עין
יעקב

D04527198-
Duke University Libraries

[illegible]

[illegible]

[illegible]

Aug 13. 1956 [illegible]

ספר

עין יעקב

חלק שלישי

כולל כל האגדות מתלמוד בבלי וירושלמי, הנמצאות במסכתות
יבמות, כתובות, נדרים, נזיר, גטין, סוטה, קדושין
עם פירוש רש"י בשלמותו והחדושים שנתוספו בו, ככל הנמצא
בספר עין יעקב הגדול.
גם איזה מאמרים, מתוספות, מהרש"א, הרי"ף, ועיון יעקב.
גם ציוני הדפים בש"ס, וציוני המקראות בתנ"ך, והגהות הב"ח.
תוספת על זה פירוש עברי דייטש הנהוג במדינתנו
נעתק ע"י ה"ר יוסף מאיר יעבץ מעתיק המשניות ע"ט

הוצאת אורה
תש"ו לאלף הששי
המכירה הראשית
אצל בית מסחר והוצאת ספרים
של משה חיים פאללאק
ניו יורק נ. י.

פרק ראשון

א (דף ו) **תניא** (ויקרא יט) איש אמו ואביו תיראו וגו' יכול אמר לו אביו הטמא או שאמר לו אל תחזיר יכול ישמע לו ת"ל איש אמו ואביו תיראו ואת שבתותי תשמורו כולכם חייבין בכבודי. תניא יכול יהא בנין בה"מ דוחה שבת ת"ל (שם) את שבתותי תשמורו ומקדשי תיראו כולכם חייבין בכבודי. תניא יכול יתיירא אדם מבית המקדש ת"ל את שבתותי תשמורו ומקדשי תיראו נאמרה שמירה בשבת ונאמרה מורא במקדש מה שמירה האמורה בשבת (ע"ב) לא משבת אתה מתירא אלא ממי שהזהיר על השבת אף מורא האמור במקדש לא ממקדש אתה מתירא אלא ממי שהזהיר על המקדש. ואיזהו מורא מקדש לא יכנס אדם בהר הבית במקלו במנעלו באפונדתו ובאבק שעל רגליו ולא יעשנו קפנדריא ורקיקה מקל והומר ואין לי אלא בזמן שבית המקדש קיים בזמן שאין בית המקדש קיים

פירוש

אמר לו אביו. לכהן: הטמא. בבית הקברות להשיב אבדה או שביתה עומדת בחוץ ואמר לו אל תחזיר: יכול ישמע לו ת"ל איש אמו ואביו תיראו. וילפיק נמי דטומאה ולאו דהשבת אבדה מלאוי דשבת: נאמרה שמירה בשבת ומורא במקדש. והקישן הכתוב בפסוק אחד: לא משבת אתה מתירא. דלא כתיב ביה מורא: באפונדתו. ארנקי שאוזר במתניו: קפנדריא. לקצר הלוכו שלא להקיף ויכנס בפתח זה ויוצא בשכנגדו ולא לשם עבודה אלא לעשות צרכיו: מק"ו. מפרש

א תַּנְיָא: מִיר הָאבֶּען גֶילֶערוּנְט עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק אַמֶענְטְשׁ זָאל מוֹרָא הָאבֶּען פַאר זַיין מוּטֶער אוּנ פַאר זַיין פָאטֶער. אִיךְ וָואלְט מֵיינֶען אַז אַכֹּהֵן הָאט גֶיזָאגְט צוּ זַיין זוּהְן עֶר זָאל זִיךְ מְטַמֵּא זַיין צוּא אַמֵת. אָדֶער אַפָאטֶער הָאט גֶיזָאגְט צוּא זַיין זוּהְן דוּא זָאלְסְט נִיט אַוֶועק גֶעבִּין וָוס הוּא הָאסְט גֶיפוּנֶען. זָאל דֶער זוּהְן פָאלְגִין דֶעם פָאטֶער. שְׁטֵייט אִין פָּסוּק אַמֶענְטְשׁ זָאל מוֹרָא הָאבֶּען פַאר זַיין מוּטֶער אוּנ פַאר זַיין פָאטֶער אוּנ עֶר זָאל הִיטֶען שַׁבָּת. פַאר וָואס שְׁטֵייעֶן דִיא צְווַייא דִינִים אֵיינֶער נֶעבִּין אַנְדֶערִין. צוּא זָאגֶען אַז דִיא מוּטֶער אָדֶער דֶער פָאטֶער הֵייסֶען דֶעם זוּהְן עֶר זָאל נִיט הִיטֶען שַׁבָּת: זָאל עֶר זֵייא נִיט פָאלְגִין. אוּנ אַזוֹי אִיז בַּייא אַלֶע מִצְוֹת: וָוארוּם אַלֶע מוּזֶען הִיטֶען מַיין כָּבוֹד: דֶער פָאטֶער אוּנ דִיא מוּטֶער אוּנ דֶער זוּהְן מוּזִין טָאהן אַלֶע מִצְוֹת וָואס גָאט הָאט גִיבָּאטִין: זָאגְט דִיא גְמָרָא מִיר הָאבֶּען גִילֶערוּנְט אִיךְ וָואלְט מֵיינֶען מֶען מֶעג בָּאהֶען דֶעם בֵּית הַמִקְדָשׁ אוּם שַׁבָּת. שְׁטֵייט אִין פָּסוּק אִיר זָאלְט הִיטֶען מַיינֶע שַׁבָּתִים אוּנ אִיר זָאלְט מוֹרָא הָאבֶּען פַאר מַיין מִקְדָשׁ. אִיר אַלֶע זֶענְט מְחוּיָּב צוּא הִיטֶען מַיין כָּבוֹד. אוּנ שַׁבָּת אִיז אַכָּבוֹד פַאר גָאט. וָוארוּם שַׁבָּת וַויִיזְט אַז גָאט הָאט בַּשַׁאפֶען דִיא וֶועלְט: אוּנ דֶער בֵּית הַמִקְדָשׁ אִיז אַכָּבוֹד פַר דִי יוּדִין צוּ מְכַפֵּר זַיין זֵייעֶרֶע עֲבֵירוֹת. דֶער כָּבוֹד פוּן גָאט שְׁטוֹיסְט אַוֶועק דֶעם כָּבוֹד פוּן דִי יוּדִין (הרי"ף): זָאגְט דִי גְמָרָא מִיר הָאבֶּען גִילֶערוּנְט אִיךְ וָואלְט מֵיינֶען אַמֶענְטְשׁ זָאל מוֹרָא הָאבֶּן פַאר דֶעם בֵּית הַמִקְדָשׁ. שְׁטֵייט אִין פָּסוּק אִיר זָאלְט הִיטֶען מַיינֶע שַׁבָּתִים אוּנ אִיר זָאלְט מוֹרָא הָאבֶּען פַאר מַיין מִקְדָשׁ. בַּייא שַׁבָּת שְׁטֵייט מֶען זָאל אִים הִיטֶען. אוּנ בַּייא דֶעם מִקְדָשׁ שְׁטֵייט מֶען זָאל מוֹרָא הָאבֶּען. אַזוֹי ווִיא דָאס הִיטוּנְג וָואס שְׁטֵייט בַּייא שַׁבָּת. הִיט מֶען דָאךְ דֶעם שַׁבָּת נִיט וַוייל מֶען הָאט מוֹרָא פַאר שַׁבָּת. נָאר וַוייל מֶען הָאט מוֹרָא פַאר גָאט וָואס עֶר הָאט גִיבָּאטֶען מֶען זָאל הִיטֶען דֶעם שַׁבָּת. אַזוֹי דִיא מוֹרָא וָואס שְׁטֵייט בַּיי דֶעם מִקְדָשׁ. זָאלְסְטוּ נִיט מוֹרָא הָאבֶּען פַאר דֶעם מִקְדָשׁ נָאר פַאר גָאט וָואס עֶר הָאט גִיבָּאטֶען מֶען זָאל מַאכֶען אַמִקְדָשׁ. מִיט וָואס זָאל מֶען מוֹרָא הָאבֶּען פַאר דֶעם מִקְדָשׁ: אַמֶענְטְשׁ טָאר נִיט גֵיין אוֹיף דֶעם בַּארְג וָואס דֶער בֵּית הַמִקְדָשׁ שְׁטֵייט אוֹיף אִים. נִיט מִיט אַשְׁטֶעקִין. אוּנ נִיט מִיט דִיא שִׁיךְ אוֹיף דִיא פִּיס. אוּנ נִיט מִיט אַגַארְטִיל וָואס מֶען אִיז אַרוּמְגִיגַארְטִילְט וֶוען מֶען פָארְט אִין וֶועג. אוּנ נִיט מִיט דִיא שְׁטוֹיבּ וָואס אוֹיף זַיינֶע פִּיס: אוּנ עֶר זָאל נִיט גֵיין אוֹיף דֶעם בַּארְג אָפּ צוּא קִירְצֶען דִיא וֶועג. לְמָשָׁל עֶר דַארְף גֵיין אוֹיף אַאָרְט. אוּנ אַז עֶר וֶועט גֵיין דוּרְךְ דֶעם בַּארְג וֶועט אִים זַיין נֶענְטֶער דִיא וֶועג. טָאר עֶר נִיט. אוּנ מֶען טָאר נִיט שְׁפַּייעֶן אוֹיף דֶעם בַּארְג. אִיךְ וָואלְט מֵיינֶען דָאס אִיז נָאר וֶוען דֶער בֵּית הַמִקְדָשׁ שְׁטֵייט אוֹיף דֶעם בַּארְג. פוּן וַיאנֶען ווייסֶען מִיר אַז דָאס אַלְץ טָאר מֶען נִיט אֲפִילוּ וֶוען דֶער בֵּית

קיים מנ ן ת"ל את שבתותי תשמרו ומקדשי תיראו מה שמירה האמורה בשבת לעולם אף מורא האמור במקדש לעולם :

ב (דף יג) משנה ב"ש מתירין את הצרות לאחים וב"ה אוסרין (ע"ב) חלצו ב"ש פוסלין מן הכהונה וב"ה מכשירין נתייבמו ב"ש מכשירין וב"ה פוסלין אף ע"פ שאו אוסרין ואלו מתירין אלו פוסלין ואלו מכשירין לא נמנעו ב"ש מלישא נשים מב"ה ולא ב"ה מב"ש . כל הטהרות והטומאות שהיו אלו מטהרין ואלו מטמאין לא נמנעו עושין טהרות אלו ע"ג אלו ע"כ. ובברייתא פירש יותר ואמר (דף יד ע"ב) לא נמנעו ב"ש לישא נשים מב"ה ולא ב"ה מב"ש ללמדך שאהבה

וריעות

נפרק הרואה תכי אין לנא אל שער המלך בלבוש שק שאינו מאום ק"ו נרוק בזוה מאום לפני הקב"ה : ב"ש מתירין . צרת ערוה להתיבם לאחין דלית להו דרשא דלצרור : חלצו . הצרות מן האחין : ב"ש פוסלין מן הכהונה . שחליצתה חליצה : וב"ה מכשירין . לפי שחליצה שלא לצורך והוי כחולצת מן הנכרי : נתיבמו . לאחים : בית שמאי מכשירין אותן לכהנים אם נתאלמנו מיבמיהם : וב"ה פוסלין . שנבעלו לאסור להם והנבעלה לפסול לה עשאה זונה והזונה אסורה לכהונה : לא נמנעו וכו' . אע"פ שבני הצרות שנתיבמו (לבית) [כבית] שמאי ממזרים הם לב"ה שהרי באיסור אשת אח שיש עליהם ואשת אח בכרת ובני עריות שהן חייבי כריתות ממזרים הם כדאיתא בפרקין אפילו הכי לא נמנעו ב"ה לישא נשים מבית שמאי לפי שהיו מודיעים להם אותן הבאות מן הצרות ואומרין דעו שמשפחה זו מצרת ערוה שנתיבמו באים והם היו פורשין : טהרות אלו על גב אלו . שהיו משאילין כליהם אלו לאלו :

המקדש שטייט שוין ניט : שטייט אין פסוק איר זאלט היטען מיינע שבתים אונ איר זאלט מורא האבען פאר מיין מקדש . אזוי וויא דאס היטונג פון שבת איז אויף אייביג . אזוי דיא מורא פון מקדש איז אויך אויף אייביג . אפילו ווען דער מקדש איז ניטא איז דער ארט פון מקדש הייליג :

ב משנה . דער דין איז אויב עס זענען געווען עטליכע ברידער אונ איינער (למשל ראובן) איז געשטארבען אן קינדער . בדארף דער עלצטער פון דיא איבעריגע ברידער (למשל שמעון) חתונה האבען מיט דיא ווייב פון דעם געשטארבענעם ברודער . דאס הייסט מיבם זיין . אונ אויב ער וויל ניט מיט איר חתונה האבען דארף ער איר געבען חליצה . אונ אויב ראובנס ווייב איז געווען שמעונס טאכטער (אדער איין אנדער קרובה צוא שמעון) וואס שמעון טאר ניט מיט איר חתונה האבען . איז דיא ווייב פון ראובן גאר פריי צוא נעמען איין אנדער מאן . זיא דארף קיין חליצה אויך ניט . אונ אויב ראובן האט געהאט צוויא ווייבער אדער נאך מער ואז אמאן האט צוויא ווייבער הייסען זייא צרות . איינע איז אצרה צוא דיא אנדערע : איינע האט פיינט דיא אנדערע) זאגען בית שמאי אז שמעון אדער איין אנדער ברודער דארף חתונה האבען מיט דיא צרה פון זיין טאכטער : אונ בית הלל זאגען קיינער פון דיא ברידער טאר ניט מיבם זיין דיא צרה . אונ אויב איינער פון דיא ברידער האט געגעבען חליצה צוא דיא צרה . זאגין בית שמאי אז זיא טאר שוין ניט גינומען ווערין צוא אכהן . ווארום אכהן טאר ניט חתונה האבען מיט אחלוצה . אונ בית הלל זאגען וויל זיא דארף ניט קיין חליצה . איז איר חליצה גאר ניט אונ זיא מעג גינומען ווערין צוא אכהן . אונ אז איינער פון דיא ברידער האט מיבם געווען אצרה . אונ ער איז געשטארבען : בית שמאי זאגען דיא מעג גינומען ווערין צוא אכהן . אונ בית הלל זאגען וויל מען האט איר ניט געטארט מיבם זיין איז גלייך וויא מען וואלט מיט איר מזנה געווען : הייסט זיא אזונה : אונ אזונה טאר ניט גינומען ווערין צוא אכהן . אפילו בית שמאי מיט בית הלל קריגען . דיא זאגען עס איז אסור אונ דיא זאגען עס איז מותר . דיא זאגען עס איז פסול אונ דיא זאגען עס איז כשר . פון דעסטוועגין פלעגט בית שמאי נעמען ווייבער פון בית הלל : אונ בית הלל פלעגין נעמען ווייבער פון בית שמאי . אונ בית הלל האבען ניט מורא גיהאט טאמער זענין דיא חתנים אדער דיא כלות גיבארען פון אזעלכע מוטערס וואס זייא זענין געווען צרות פון עריות אונ זייערע מאנענס ברידער האבען זייא מיבם געווען . נאך בית שמ[אי] זענען זייא כשרה קינדער אונ נאך בית הלל זענין זייא ממזרים . ווארום בית שמאי פלעגין זאגען צו[א] בית הלל . דיא קינדער זענין נאך אייך פסול . נעמט זייא ניט . דיא אלע טהרות אונ טומאות [וו]אס בית שמאי מיט בית הלל קריגען די זאגען עס איז טמא אונ דיא זאגען עס איז טהור : פון דע[ס]טוועגין פלעגין בית שמאי בארגן כלים פון בית הלל . אונ בית הלל פלעגן בארגן כלים פון בית שמאי . ווארום זייא פלעגין אן זאגען איינע דיא אנדערע וועלכע כלי עס איז נאך יענעם טמא . צו

ווייזען

וריעות נוהגין זה בזה לקיים מה שנאמר (זכריה ח) האמת והשלום אהבו :

ג (סס ע"ה) **גמרא** איכא מ"ד לא עשו ב"ש כדבריהם דהא ב"ה רובא ואיכא מ"ד עשו דכי אזלינן בתר רובא היכא דכי הדדי נינהי הכא ב"ש מחדדי טפי :

דכי סדדי נינסו. בחכמס : ירוצו. במו וסשו גלגלתו דאבימלך לשון רצון : שסן בני צרות. שנשאו לשוק כב"ס : בימי ר' דוסא הותרו. אהיו של ר' דוסא שסיס מתלמידי ב"ש סתירן כדתנא לקמן ועשו על פיו ונהגו כן : שחכס גדול סיס. וסבורים חכמים שהוא התירן : קמו. עמדו מלראות : א"ע

ד (פ"ו ע"ב) **שאלו** את ר' יהושע צרת הבת מהו אמר להם מחלוקת ב"ש וב"ה והלכה כדברי מי א"ל כה אתם מכניסין ראשי בין שני הרים גדולים בין שני מחלוקות גדולות בין ב"ש וב"ה מתירא אני שמא ירוצו גלגלתי אבל אני מעיד לכם על שתי משפחות גדולות שהיו בירושלים משפחת בית עכמאי מבית צבועים ומשפחת בית קופאי מבן מקושש שהן בני צרות ומהם כהנים גדולים ושמשו על גבי המזבח :

ה (דף טז) **בימי** ר' דוסא בן הרכינס הותרו צרת הבת לאחין והיה הדבר קשה לחכמים מפני שחכם גדול היה (וזקן) ועיניו קמו מלבא לבית המדרש אמרו מי ילך ויודיעהו אמר להן ר' יהושע אני אלך ואחריו מי ר' אלעזר בן עזריה ואחריו מי ר"ע הלכו

ווייזען אז בית שמאי מיט בית הלל האבען נאר געקריגט אין דער תורה. אבער איינער דעם אנדערין האט ליב גיהאט. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק איר זאלט ליב האבען דעם אמת. אונ איר זאלט זיין שלום :

ג גמרא. איכא. איינער זאגט בייא דיא אלע דינים וואס בית שמאי האט געקריגט מיט בית הלל. האבען בית שמאי ניט גיפסקת וויא זייא זאגען: נאר וויא בית הלל זאגען. ווייל דיא תלמידים פון הלל זענען גיוועזען מער וויא די תלמידים פון שמאי. אונ אין דער תורה שטייט אחרי רבים להטות. מען זאל פסקנען וויא דיא מערערע זאגען. אונ איינער זאגט שמאי מיט זיינע תלמידים האבען יא גיטאהן וויא זייא האבען גיזאגט. וואריום ווען גייען מיר נאך דיא מערערע. וואו דער שכל פון דיא אלע מענשין זענען גלייך. אבער דיא תלמידים פון בית שמאי האבען גיהאט אשארפערין שכל וויא דיא תלמידים פון הלל. דריבער האבען בית שמאי גיפסקת וויא זיי זאגין.

ד שאלו. מען האט גיפרעגט בייא רבי יהושע דיא צרה פון אטאכטער דארף מען איר מיבם זיין אדער גיין. האט רבי יהושע גיזאגט אין דעם קריגען בית שמאי מיט בית הלל. האט מען גיפרעגט בייא רבי יהושע וויא ווער איז דער דין. האט רבי יהושע צוא זייא גיזאגט איר ווילט אריין ברייגען מיין קאפ צווישען צווייא גרויסע בערג. צווישען צוויי גרויסע מענטשין וואס קריגען. צווישען בית שמאי מיט בית הלל. איך האב מורא טאמער וועלען זייא צוא ברעכען מיין קאפ. נאר איך קען אייך עדות זאגען אויף צווייא גרויסע משפחות וואס זענין גיוועזען אין ירושלים. איין משפחה האט גיהייסען בית עכסאי פון בית צבועים. אונ דיא אנדערע האט גיהייסען בית קופאי פון דעם זון פון מקושש וואס זענין גיוועזען קינדער פון צרות וואס זענין גינומען גיווארען צוא פרעמדע מאנען אן חליצה. אזוי וויא בית הלל האבען גיזאגט. אונ פון זייא זענען גיוועזען כהנים גדולים וואס האבען מקריב גיוועזען קרבנות אויף דעם מזבח :

ה בימי. אין די צייטען פון רבי דוסא בן הרכינס האט דער ברודער פון רבי דוסא מתיר גיוועזען דיא צרה פון אטאכטער זאל גינומען ווערין צוא איינעם פון דיא ברידער. האט דיא זאך פר דראסטין צוא דיא חכמים. וואריום דיא חכמים האבען גימיינט אז רבי דוסא האט דאס מתיר גיוועזען. אונ ווייל רבי דוסא איז גיוועזען אגרויסער חכם אונ ער איז גיוועזען בלינד אונ ער האט ניט גיקענט קומען אין בית המדרש. האבען די חכמים גיזאגט ווער וועט אים גיין זאגין אז די חכמים פארדריסט אויף אים וואס ער האט מתיר גיוועזען דיא צרה פון דיא טאכטער צוא איינעם פון דיא ברידער. האט רבי יהושע גיזאגט איך וועל גיין. ווער נאך זאל גיין. רבי אלעזר בן עזריה. ווער נאך זאל גיין

א"ל ר' יהושע לר' דוסא רבי אמו"ר לתלמידך אחר וישב: דוסא. היכן שמעתם אומרים: או בן הרכינס. אלא דוסא שמעתם: סתם שמענו. בן הרכינס סתם ושמו לא הוזכר: בכור שטן (שטון) הוא. חריף ועומד על שמועתו ועושה מעשה ואינו זז משמועתו

הלכו ועמדו על פתח ביתו נכנסה שפחתו אמרה לו רבי חכמי ישראל באין אצלך אמר לה יכנסו ונכנסו תפסו לר' יהושע והושיבו על מטה של זהב אמר לו רבי אמור לתלמידך אחר וישב א"ל מי הוא אמר לו ראב"ע א"ל ויש לו בן לעזריה חברנו קרא עליו מקרא הזה (תהלים לז) נער הייתי גם זקנתי ולא ראיתי צדיק נעזב וזרעו מבקש לחם תפשו והושיבו על מטה של זהב א"ל רבי אמור לתלמידך אחר וישב א"ל ומי הוא א"ל עקיבא בן יוסף א"ל אתה הוא עקיבא בן יוסף ששמך הולך מסוף העולם ועד סופו שב בני שב כמותך ירבו בישראל (קרא עליו מקרא זה (קהלת ז) טוב שם משמן טוב) התחילו מסבבין אותו בהלכות עד שהגיעו לצרת הבת אמרו לו צרת הבת מהו אמר להם מחלוקת ב"ש וב"ה הלכה כדברי מי אמר להם הלכה כב"ה א"ל והלא משמך אמרו הלכה כב"ש אמר להם דוסא שמעתם או בן הרכינס שמעתם א"ל חיי רבי סתם שמענו א"ל אח קטן יש לי בכור שטן (שטון) הוא ויונתן שמו והוא מתלמידי שמאי והזהרו בו שלא יקפח אתכם בהלכות לפי שיש עמו ש' תשובות בצרת הבת שהיא מותרת אבל מעידני עלי שמים וארץ שעל

מרוכה

רבי עקיבא. ווענין אלע דרייא גיגאנגען אונ האבען זיך גישמועלט ביי דיא טיר פון רבי דוסא איז אריין גיגאנגען דיא דינסט צוא רבי דוסא אונ האט גיזאגט צוא אים. רבי דיא חכמים פון דיא יודין ווענין גיקומען צוא דיר: האט רבי דוסא צוא איר גיזאגט זאג זייא זאלען אריין גיין. ווענען זייא אריין גיגאנגען. האט מען גינומען רבי יהושע אונ מען הט אים גיזעצט אויף אגאלדענע בעט. האט רבי יהושע גיזאגט צוא רבי דוסא: רבי זאג צוא דיין אנדערין תלמיד ער זאל אויך זיצען. האט רבי דוסא גיזאגט ווער איז ער. האט רבי יהושע גיזאגט דאס איז רבי אלעזר בן עזריה. האט רבי דוסא גיזאגט אונזער חבר עזריה האט אזוהן. האט ער אויף איהם גילייענט דעם פסוק איך בין גיוועזן יונג איך בין שוין אלט גיווארין אונ איך האב ניט גיזעהן אצדיק זאל פאר לאזין ווערין אונ זיינע קינדער זאלען גיין בעטין ברויט. האט מען גינומען רבי אלעזר אונ מען האט אים אויך גיזעצט אויף אגאלדענע בעט: האט רבי יהושע גיזאגט צוא רבי דוסא רבי זאג צוא דיין דריטען תלמיד ער זאל אויך זיצען: האט רבי דוסא גיזאגט ווער איז ער. האט רבי יהושע גיזאגט דאס איז עקיבא בן יוסף: האט רבי דוסא גיזאגט צוא אים דוא ביסט דאס עקיבא בן יוסף דיין נאמען הערט מען פון איין עק וועלט ביז צום אנדערין עק וועלט. זיץ מיין זוהן. אזעלכע מענטשין וויא דוא זאלען זיין פיל ביי יודין. האט רבי דוסא אויף אים גילייענט דעם פסוק אגוטער נאמען איז בעסער וויא גוטער בוימאייל. האבען זייא אן גיהויבען שמועסין מיט רבי דוסא פון דינים. ביז זייא ווענין גיקומען צוא דעם דין פון צרת הבת. האבען זייא גיפרעגט ביי רבי דוסא צרת הבת וויא איז דער דין. האט רבי דוסא גיזאגט אין צרת הבת קריגט בית שמאי מיט בית הלל. האבען זייא גיפרעגט וויא איז דער דין. האט רבי דוסא גיזאגט דער דין איז וויא בית הלל. האבען זייא גיזאגט צוא רבי דוסא מען האט דאך אונז גיזאגט פון דיינעט וועגין אז דו זאגסט דער דין איז וויא בית שמאי: האט רבי דוסא צוא זייא גיזאגט וויא האט איר גיהערט. דוסא זאגט דער דין איז וויא בית שמאי. אדער בן הרכינס זאגט דר דין איז ווי בית שמאי. האבען זייא גיזאגט צוא אים אזוי וויא דער רבי לעבט מיר האבען גיהערט בן הרכינס זאגט דער דין איז וויא בית שמאי. האבען מיר גימיינט אז דוא זאגסט אזוי. האט רבי דוסא גיזאגט איך האב אברודער איונגערין פון מיר. ער איז אבכור שטן. דאס מיינט מען ער איז אגרויסער חכם. אונ ער שטערט דיא חכמה פון אלע מענטשין. עס מוז נאר בלייבען וויא ער זאגט. ער הייסט יונתן. אונ ער איז אתלמיד פון שמאי. אונ איר זאלט אייך היטען פאר אים ער זאל אייך ניט פרעגין אזוי פיל קשיות ער זאל ביי אייך אוועק נעמען אייערע דינים. ער האט דרייא הונדערט תירוצים צוא זאגין אויף דיא קשיות וואס מען וועט ביי אים פרעגין. אונ ער ווייזט אז צרת הבת מעג גינומען ווערין צוא דיא

מרוכה זו ישב חגי הנביא ואמר ג' דברים צרת הבת אסורה עמון ומואב מעשרין מעשר עני בשביעית ומקבלין גרים מן הקרדויים ומן התרמודיים תנא כשנכנסו נכנסו בפתח אחד וכשיצאו יצאו בג' פתחים פגע בו בר"ע אקשי ליה ואוקמיה א"ל אתה הוא עקיבא ששמך הולך מסוף העולם ועד סופו אשריך שזכית לשם ועדיין לא הגעת לרועה בקר א"ל ר"ע ואפילו לרועה צאן :

ו רבי יוחנן וסביא אמרי תרווייהו אין מקבלין גרים מן התרמודיים (שם ע"ב) פליגי בה ר' יוחנן וסביא חד אמר משום עבדי שלמה וחד אמר משום בנות ירושלים בשלמא למ"ד משום עבדי שלמה קסבר נכרי ועבד הבא על בת ישראל הולד ממזר אלא למ"ד משום בנות ירושלים מאי היא פליגי בה רב יוסף ורב כהנא ותרווייהו משמיה דרבה בר בר חנה חד אמר י"ב אלפי גברי ושיתא אלפי קשתויי וחד אמר י"ב אלפי גברי ומנייהו שיתא אלפי קשתויי בשעה שנכנסו נכרים להיכל הכל נפנו על כסף וזהב והם נפנו על בנות ירושלים שנא׳ר (איכה ה) נשים בציון ענו בתולות בערי יהודה א"ר שמואל בר

מתמועתו לעשות כרכים : עמון ומואב. ישראלים הדרים בארץ עמון ומואב שכבש משה מסיחון ונתקדשו בקדושת א"י ועכשיו בבית שני בטלה קדושתם וזורעין בה בשביעית ותקנו להם מעשר ראשון ומעשר עני בשביעית כדמפרש לקמן מפני פרנסת עניים שבא"י שאין להם מה לאכול בשביעית לפי שבטל לקט שכחה ופאה ובאים שם ונוטלין שם לקט שכחה ופאה ומעשר עני : ומקבלים גרים מן הקרדויים וכו'. ולא אמרינן ממזרים הם מבנות ישראל שבאו עליהם נכרים דאיכא רבנן לקמן דפסלי : פגע בו. יונתן ברבי עקיבא :

עבדי שלמה. שנשאו בנות ישראל מתחלת עוברה ודרין שם בחזקת נכרים וקסבר נכרי ועבד הבא על בת ישראל הולד ממזר : משום בנות ירושלים. לקמן מפרש לה בנות ירושלים בתורבות שנשאו נכרים ונשאום הכי גרסינן אלא למ"ד משום בנות ירושלים מאי היא : קשתויי.

ברידער. נאר איך זאג אויף מיר עדות דיא הימעל מיט דיא ערד אז אויף דעם שטוים איז גיזעסין חגי הנביא אונ ער האט גיזאגט דרייא זאכען. אז צרת הבת איז אסור צוא דיא ברידער : אונ דיא יודין וואס וואוגען אין עמון אונ מואב. זייען אין שמטה אונ גיבען מעשר עני : אונ אז דיא קרדוים אונ דיא תרמודיים זענען זיך מגייר. נעמט מען זייא צווישען יודין. מיר האבען גילערונט ווען דיא דרייא תנאים זענען גיקומען פאר רבי דוסא זענען זייא אריין גיגאנגען דורך איין טיר. אונ ווען זייא זענען ארוים גיגאנגען פון רבי דוסא : זענען זייא ארוים גיגאנגען דורך דרייא טירען. יעדער דורך אבזונדער טיר : האט יונתן דער ברודער פון רבי דוסא בגעגינט רבי עקיבא : אונ ער האט גיפרעגט קשיות צו רבי עקיבא. אונ רבי עקיבא איז געבליבען שטיין. ער האט ניט גיוואוסט צוא ענפערין : האט יונתן גיזאגט צוא רבי עקיבא דוא ביסט דאס דער עקיבא וואס דיין נאמען גייט פון איין עק וועלט ביז צום אנדערין עק וועלט. וואול צוא דיר דוא האסט זוכה גיוועזן צוא אזוי אנאמען : דו ביסט נאך אבער ניט גיקומען אפילו צו אפאסטוך פון אקסין. האט רבי עקיבא גיזאגט אפילו צו אפאסטוך פון שעפסין אויך ניט :

ו רבי יוחנן אונ דיא אלטע לייט זאגען אז דיא תרמודיים זענען זיך מגייר נעמט מען זייא ניט צוא צווישען יודין. פאר וואס מען נעמט זייא ניט צוא צווישען יודין : אין דעם קריגט רבי יוחנן מיט דיא אלטע לייט. איינער זאגט דורך דיא קנעכט פון שלמה : אונ איינער זאגט דורך דיא טעכטער פון ירושלים : זאגט דיא גמרא דער וואס זאגט דורך דיא קנעכט פון שלמה ווארום דיא גוישע קנעכט פון שלמה האבען גינומען יודישע ווייבער אונ האבען גיוואונט אין תרמוד. אונ דער תנא האלט אז אגוי אדער אגוישער קנעכט נעמט איודישע ווייב זענען דיא קינדער ממזרים : אבער דער וואס זאגט דורך דיא טעכטער פון ירושלים. וואס מיינט מען : אין דעם קריגט רב יוסף אונ רב כהנא אונ ביידע זאגין פון רבה בר בר חנה וועגין. איינער זאגט צוועלף טויזענד מענטשין אונ זעקס טויזענד מענטשין מיט פיילינבויגינס זאיז אכטצעהן טויזענד מענטשין. אונ איינער זאגט צוועלף טויזענד מענטשין. אונ זעקס טויזענד פון זייא האבען גיהאלטען פיילינבויגינס. ווען דיא גוים זענין אריין גיגאנגען אין היכל. אלע זענין גיגאנגען רויבין זילבער אונ גאלד. אונ זייא זענין גיגאנגען מזנה זיין מיט דיא טעכטער פון ירושלים. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק זייא האבען גיפייניגט ווייבער אין ציון. אונ זייא האבען גיפייניגט בתולות אין דיא

בהן אל וזה נאמר בהן אלה אל קשה ואלה קשה מאל גבי עריות נמי הא כתיב אלה ההוא למעוטי מדות מכרת אלא מאי חומרייהו הני אפשר בתשובה הני לא אפשר בתשוב' רב יהוד' אמר מהכא (קהלת יב) און וחקר תקן משלי' הרבה אמר עולא : ר"א. קודם שבא שלמה היתה תורה דומה לכפיפה שאין לה אזנים עד שבא שלמה ועשה לה אזנים ר' אושעיא אמר מהכא (משלי ד) פרעהו אל תעבר בו שטה מעליו ועבור. אמר רב אשי משל דר' אושעיא למה"ד לאדם משמר פרדס משמרו מבחוץ כולו משתמר מבפנים שלפניו משתמר שלאחריו אינו משתמר והא דרב אשי בדותא היא התם שלפניו מיהו משתמר הבא אי לאו שניות פגע בערוה: גופה . רב כהנא אמר מהכא (ויקרא יח) ושמרתם את משמרתי

אדקתני יותר משל עריות : מכלל דהאל לא קשה כולה . הא כתיב אלה . מכל התועבות האלה ונכרתו : עריות אפשר בתקנה . כל זמן שלא הוליד ממזר יפרוש ממנה ויתכפר אבל מדות גזל את אחרים הוא ולית ידע למי יחזור ואע"ג דקי"ל יתקן בהם צרכי רבים לאו תשובה מעלייתא היא : און . לשון אזנים בית אחיזה כדאמרינן בעירובין לימד דעת את העם דאגמרה בסימני טעמא ואסברה כדדמי גמר מלתא ממלתא והזהיר על דברי סופרים כדכתיב ויותר מהמה בני הזהר [הזהר] בדברי סופרים יותר מדברי תורה וגזר על השניות : אזנים . של קופה לאחוז בהן הקופה ומשתמרת שלא תפול הכי נמי על ידי שניות מתרחקין מן העריות : פרעהו . (הגדילוהו) [הגלהו] לאיסור והוסיף עליו כדי שלא תעבור בו לשון גדל פרע : ושמרתם את משמרתי . גבי עריות כתיב :

דער ווארט אל ; אונ ביא אפאלשע מאס שטייט דר ווארט אלה זעהן מיר דאך אז אלה איז טייטש שטארק. אונ אל איז ניט דער טייטש שטארק. איז דאך ניט וויא רבא. ענטפערט דיא גמרא אל איז טייטש שטארק. אונ אלה איז שטארקער וויא אל. פרעגט דיא גמרא ביא זנות שטייט דאך אויך אלה. ענטפערט דיא גמרא דער אלה וואזט אז נאר ביא עריות קומט כרת אבער ביי פאלשע מאס קומט ניט קיין כרת. נאר מיט וואס דען איז אפאלשע מאס ערגער וויא זנות. אויף זנות קען מען טאהן תשובה. אונ אויף אפאלשע מאס קען מען ניט טאהן תשובה. רב יהודה זאגט פון ואנען האבען דיא רבנן אפ גילערונט אז מען דארף אסרין אזעלכע זאכען וואס דיא תורה האט ניט גיאסרת. עס שטייט אין פסוק ביא שלמה המלך און וחקר תקן משלים הרבה. וואס מיינט מען און ; האט עולא גיזאגט פון רבי אלעזר ווענין אידער שלמה איז גיקומען איז דיא תורה גיוועזן אזוי וויא אקארב וואס האט ניט קיין אויערין אן צוא געמען ; אז שלמה איז גיקומען האט ער גימאכט אויערין צוא דער תורה. אזו וויא אקארב אז דיא האט ניט קיין אויערין ; מוז מען אן גענמען דיא קארב. אבער אז דיא האט אויערין נעמט מען אן די אויערין האלט זיך שוין דיא גאנצע קארב. אזוי ביא דיא תורה האט אויך שלמה גימאכט אסור נאך פיל זאכען ; וואס עס שטייט ניט אין דיא תורה ; אז מען האלט דיא איסורים. האלט זיך שוין די גאנצע תורה. אזוי האבען דיא רבנן גיאסרת נאך ווייבער. מען זאל ניט קומען מזנה זיין מיט דיא ווייבער וואס דיא תורה האט גיאסרת. רבי אושעיא האט גיזאגט פון דאנען האבען די רבנן אפ גילערונט אז מען דארף אסרין אזעלכע זאכען וואס דיא תורה האט ניט גיאסרת. עס שטייט אין פסוק פרעהו אל תעבור בו שטה מעליו ועבור ; דוא זאלסט פאר גרעסערין דעם איסור נדז זאלכע אסרין אזעלכע זאכען וואס שטייט ניט אין דיא תורה דוא זאלכט ניט עובר זיין דעם איסור וואס שטייט אין דיא תורה ; דוא זאלסט אפ קערין פון דעם איסור אונ זאלסט אוועק גייען פון אים. רב אשי זאגט דיא רייד פון רבי אושעיא זענין גלייך צוא אמענטשין וואס האט אווייגארטין אונ ער וויל אים היטען. אויב ער שטייט פון אויסוויינינג אונ היט אים ; איז דער גאנצער ווייגארטין געהיט. אונ אויב ער שטייט אינוויינינג ; דיא בוימער וואס זענין פר אים ווערין געהיט. אונ דיא בוימער וואס זענין אינטער אים ווערין ניט געהיט ; זאגט דיא גמרא דער משל פון רב אשי איז ניט גלייך ביא דעם ווייגארטין אז ער שטייט אינוויינינג אונ היט ; ווערין וויינגסטינס געהיט דיא בוימער וואס זענין פאר אים. אבער דא ביא דער תורה אז ער וועט ניט היטען דיא מצות וואס אויסער דיא תורה וועלין דיא מצות וואס אין דיא תורה גאר ניט געהיט ווערין. ער וועט מזנה זיין מיט דיא עריות וואס עס שטייט אין דיא תורה אז מען טאר ניט ; רב כהנא זאגט פון דאנען האבען דיא רבנן אפ גילערונט אז מען דארף אסערין

משמרתי עשו משמרת למשמרתי א"ל אביי לרב יוסף הא דאורייתא הוא. דאורייתא ופרשו רבנן. כל התורה נמי פרשו רבנן אלא מדרבנן וקרא אסמכתא בעלמא:

ג (דף כב) [פיסקא] מי שיש לו בן מ"מ פוטר אשת אביו מן היבום וחייב על ככתו.

אמאי קרי כאן (שמות כב) ונשיא בעמך לא תאור בעושה מעשה עמך כדאמר רב פנחס משמיה דרב פפא בעושה תשובה ה"נ כשעשה תשובה והאי בר תשובה הוא (והתניא) [והתנן] שמעון בן מנסיא אומר איזהו (קהלת א) מעוות לא יוכל לתקן זה הבא על הערוה והוליד ממנה ממזר השתא מיהא עושה מעשה עמך הוא:

ד (דף כד) ת"ר (דברים כה) והיה הבכור מכאן שמצוה בגדול ליבם אשר תלד פרט לאילונית שאינה יולדת יקום על שם אחיו לנחלה אתה אומר לנחלה או

כשעשה מעשה עמך. [והאי אביו לאו עושה מעשה עמך הוא שהרי בא על הערוה והוליד ממנה ממזר]: כדאמר רב פנחס. בפרק אומר בקדש: בשהא מיתה. הואיל ושב עושה מעשה עמך הוא והכי נמי דעונו גלוי (ומיכר) [ונזכר] כ"ה שממזר קיים מיהו מהשוב'ואילך בכלל עושה מעשה עמך הוא: מכאן שמצוה בגדול ליבם. שהי דרים ולקחה לו לאשה ויבמה והיה הבכור המיבם יקום הבכור: אשר תלד. והואה יבמה תהיה ראויה לילד פרט לאילונית: יקום. היבם ע"ש אחיו לנחול נחלתו ולא יחלקו אחיו עמו: אתה אומר

אזעלכע זאכען וואס דיא תורה האט ניט גיאסרת. עס שטייט אין פסוק ושמרתם את משמרתי איר זאלט מאכען אהיטונג צוא מיין היטונג. האט אביי גיזאגט צוא רב יוסף איז דאך דאס אויך פון דיא תורה. דיא תורה האט גיהייסען אויסווייניג מען זאל נאך אסרין אויסער וואס עס שטייט איננווייניג אין דיא תורה. האט רב יוסף גיזאגט די תורה האט מאקי גיאסרת אויסווייניג. נאר מען ווייס דאך ניט וואס דיא תורה האט גיאסרת. האבען אונז דיא רבנן גיזאגט. פרעגט דיא גמרא דיא גאנצע תורה איז דאך אויך אזוי: דיא רבנן זאגין וואס דיא תורה מיינט. נאר די אלע זאכען האבען נאר דיא רבנן גיאסרת ניט דיא תורה. נאר דיא רבנן האבען אן גילענט דיעזע רייד אויף אפסוק אין דער תורה:

ג פיסקא. מי. אז איינער איז גישטארבען אונ האט גילאזען אזוהן: וואס פאר אזוהן עס איז. אפילו אממזר: איז זיין פאטערס ווייב פריי פון יבום. אונ אז איינער לעבט אונ האט אזוהן. אפילו דער זוהן איז אממזר: אונ דער ממזר האט גישלאגען זיין פאטער. קומט אים צוא התגן. פרעגט דיא גמרא פאר וואס: עס שטייט דאך אין פסוק ונשיא בעמך לא תאור אנשיא אין דיין פאלק זאלסטו ניט פלוכין: וואס מיינט מען אין דיין פאלק. אז ער טוהט אזוי וויא דיין פאלק טוהט: טארסטו אים ניט פלוכין אבער אז דער נשיא איז ניט פרום מעג מען אים פלוכין. דיא אפאטער איז אויך אזוי. אויב דער פאטער איז פרום: טאהר ניט דער זוהן אים פלוכין אונ ניט שלאגין: אבער אז דער פאטער איז ניט פרום. מעג אים דער זוהן פלוכין אונ שלאגין. אונ אז דער פאטער האט אממזר. איז ער דאך ניט פרום. דארף דאך זיין אז דער ממזר האט גישלאגען דעם פאטער. זאל ער ניט גישטראפט ווערין. ענטפערט דיא גמרא אזוי וויא רב פנחס האט גיזאגט פון רב פפאס וועגין אז ער האט גיטאהן תשובה: שמועסט דא אויך אז ער האט גיטאהן תשובה: פרעגט דיא גמרא העלפט דען אים תשובה. מיר האבען דאך גילערנט שמעון בן מנסיא זאגט וועלכעס הייסט פאר קרימט וואס מען קען ניט פאריכטען. אז ער האט מזנה גיוועזען מיט זיינע אשוועסטער [אדער אנדערע קרובות] אונ זיא האט גיבארין פון אים אממזר. העלפט ניט קיין תשובה צוא דער עבירה. ענטפערט דיא גמרא אז ער האט גיטאהן תשובה: צוא דיא עבירה העלפט מאקי ניט קיין תשובה. אבער פון דעסטוועגין הייסט ער אערליכער יוד: אונ זיין זוהן דער ממזר טאר אים ניט שלאגין אונ פלוכין:

ד תנו רבנן. דיא רבנן האבען גילערנט עס שטייט אין פסוק והיה הבכור. עס זאל זיין דער בכור. פון דאנען ווייסען מיר אז עס איז אמצוה דער עלטערער ברודער זאל מיבם זיין. אשר תלד. אויב דיא יבמה קען האבען קינדער זאל מען איר מיבם זיין. אבער אז זיא איז אעקרה: זיא קען ניט האבען קינדער: זאל מען איר ניט מיבם זיין. אין פסוק שטייט יקום על

או אינו אלא לשם יוסף קורין אותו יוסף יעקב קורין אותו יעקב נאמר כאן יקום ע"ש אחיו ונאמר להלן (בראשית מח) ע"ש אחיהם יקראו בנחלתם מה שם האמור להלן נחלה אף שם האמור כאן לנחלה ולא ימחה שמו פרט לסרים ששמו מחוי אמר רבא אע"ג דבכל התורה כולה אין מקרא יוצא מידי פשוטו הכא אתאי גזרה שוה אפיקתיה מפשטיה לגמרי:

ה (שם ע"ב) רבי נחמיה אומר אחד גרי אריות ואחד גרי חלומות ואחד גרי מרדכי ואסתר אינם גרים עד שיתגיירו בזמן הזה ס"ד א"א אימא כבזמן הזה אע"פ שכבר יעלו הלכה כדברי האומר כולם גרים הם אפ"ה הנטען מן הכותי ; ונתגיירה אסור לכנסה לכתחלה משום דרב (אשי) [אסי] דאמר רב (אשי) [אסי] (משלי ד) הסר ממך עקשות פה ולזות שפתים הרחק ממך . תנו רבנן אין מקבלין גרים לימות המשיח

כיוצא

פירוש

לנחלה . והאי יקום בירם משמעי : או אינו . אלא בן שיולד לו משמעי שאם היה שם המת יוסי קורין לו יוסי : אין מקרא יוצא מידי פשוטו . ואף על גב דהדסיק ליה לדרשא מידי פשוטו מיהו לא נפיק לגמרי : ואפיקתיה לגמרי . שאין צריך לקרות לבנו כשם אחיו המת [והכי גמר לה מרביה] : גרי אריות . כגון כותים דכתיב בספר מלכים וישלח ה' בם את האריות ונתגיירו כדכתיב התם מגלות שומרון : גרי חלומות . בעל חלומות אמר להם להתגייר : מרדכי ואסתר . ורבים מעמי הארץ מתיהדים : בזמן הזה כ"ד . דכל הני דמקמי הכי אלו גרים נינהו כגון נבוזראדן וכיוצא בו : כבזמן הזה . שלא יעבה מחמת שררה : ולזות שפתים

שם אחיו. ער זאל שטיין אויף דעם נאמען פון זיין ברודער. דער יבם זאל זיין דער יורש פון זיין ברודער. פרעגט דיא גמרא פון וואנען ווייסען מיר אז דער פסוק מיינט דעם יבם ער זאל ירשענען דעם ברודער. טאמער מיינט מען דעם זוהן. דער קינד וואס וועט געבארין ווערין פון דעם יבם מיט דיא יבמה זאל ער גירופען ווערין אויף דעם געשטארבענעמס נאמען. אויב דער געשטארבענער האט גיהייסען יוסף. זאל מען דעם קינד אויך רופען יוסף. אויב ער האט גיהייסין יעקב. זאל מען דעם קינד אויך רופען יעקב. ענטפערט דיא גמרא דא שטייט ער זאל שטיין אויף דעם נאמען פון זיין ברודער. און דארטין שטייט אויף דעם נאמען פון זייערע ברידער זאלען זיא גירופען ווערין צוא ירשענען. אזוי וויא דארטין מיינט מען זייא זאלען גירופען ווערין אויף דעם נאמען פון זייערע ברידער צום ירשענען אזוי דא מיינט מען אויך ער זאל גירופען ווערין אויף דעם נאמען פון זיין ברודער צוא ירשענען אים. אין פסוק שטייט עס זאל ניט אפ גימעקט ווערין זיין נאמען אבער אז דער געשטארבענער איז גיוועזען א עקר. ער וואלט ניט גיהאט קיין קינדער. וואלט דאך זיין נאמען סייא וויא גיוועזען אפ גימעקט פון דער וועלט. דארף מען ניט מיבם זיין דיא ווייב זיינע. רבא זאגט אפילו מיר זאגען אין דיא גאנצע תורה דער פסוק גייט ניט ארויס פון זיין פראסטין מיינונג. אבער דא האט דיא גזרה שוה אויס גיצויגין דעם פסוק אין גאנצען פון זיין פראסטען מיינונג. און דער קינד וואס ווערט גיבארין דארף ניט הייסען דעם געשטארבענעם נאמען וואס דער געשטארבענער ברודער האט גיהייסען :

ה רבי נחמיה זאגט סיי דיא מענטשין וואס האבען זיך מגייר גיוועזען ווייל זייא האבען מורא גיהאט פאר דיא לייבין. און סייא דיא מענטשין וואס האבען זיך מגייר גיוועזען דורך חלומות. עס האט זייא גיחלומת זייא זאלען זיך מגייר זיין. און סייא דיא מענטשין וואס האבען זיך מגייר גיוועזען אין דיא צייט פון מרדכי און אסתר. דיא אלע זענען ניט קיין גרים. סיידין זייא זאלען זיך מגייר זיין אין דיא איצטיגע צייט. פרעגט דיא גמרא ווער איז זיך היינט מגייר. נאר אזוי מיינט מען דער וואס האט זיך מגייר גיוועזען אזוי וויא היינטיגע צייט איז: ניט פר מורא און ניט פאר גרויסקייט נאר פון גאטס וועגין. דער הייסט אאמת'ר גר. זאגט דיא גמרא אפילו דער דין איז וויא דער וואס זאגט אלע גרים זענין וויא יודין. פון דעסטוועגין אז מען איז חושד א יוד און מען רעט אויף אים אז ער וואוינט מיט א גויה. און זיא האט זיך מגייר גיוועזען. טאר ער זיא ניט נעמען פאר א ווייב ווייל עס קען זיין אז ער וועט האבען א חשד אז ער האט איר גינומען ווייל זיא איז זיין ווייב. ווייל רב אסי האט גיזאגט טוה אפ פון דיר דיא מויל פאר קרימונג. און דיא פאר קרימונג פון דיא לעפצין דער ווייטער פון דיר. עס זאל קיינער ניט פאר קרימען דיא מויל צוא ריידען אויף

ביוצא בו לא קבלו גרים לא בימי דוד ולא בימי שלמה א"ר אלעזר מאי קראה (ישעיה כד) הן גור יגור אפס מאותי מי גר אתך עליך יפול מי גר אתך בעניותך הוא דעליך יפול אבל אידך לא:

סרחק מנך. דאתו לאחזוקי לקלא קמא: הן גור יגור. הכא להתגייר יגור: אפס מאותי. בשור שאין אני עמהם יתגייר דהיינו בזמן הזה: מי גר אתך בעניותך. כאשר אמרתי לך: עליך יפול. לעולם הבא: יפול. ימות כמו על פני כל אחיו נפל יפול מגדך אלף:

ארבעה אחין פרק שלישי

א (דף לד ע"ב) א"ר יצחק כל מועכות של בית רבי תמר שמן ולמה נקרא שמן תמר ע"ש תמר שמיעכה באצבעה והא הוו ער ואונן שלא כדרכן שמשו בשלמא אונן כתיב ביה (בראשית לח) ושחת ארצה אלא ער מנ"ל ארנב"י וימת גם אותו אף הוא באותה מיתת מת. בשלמא אונן משום לא לו יהיה הזרע אלא ער מאי טעמא עבד הכי כדי שלא תתעבר ותכחיש יפיה:

כל מועכות של בית רבי. המשירות בתולותיהן באצבעותיהן: המי שמן ע"ש תמר שמיעכה באצבעה. קודם ביאה ועתה פתוח והוה לה כשתי ביאות דביאה ראשונה לא מיעכה:

החולץ פרק רביעי

א (דף לו ע"ב) תניא ר"א בן יעקב אומר לא ישא אדם אשה ודעתו לגרשה משום שנאמר

דיר. אונ אז ער וועט מיט איר איצט חתונה האבען. וועלין אלע זאגען עס איז מאקי אמת או פריער ווען זיא איז געוועזען אגויה האט ער אויך מיט איר געוואוינט. דיא רבנן האבען געלערנט ווען משיח וועט קומען וועט מען ניט צוא נעמען גרים. אונ אין דיא צייט פון דוד המלך אונ שלמה המלך האט מען אויך ניט צוא גינומען קיין גרים. רבי אלעזר זאגט פון וועלכין פסוק ווייסען מיר דאס. עס שטייט אין פסוק הן גור יגור. ווער עס וועט זיך וועלין מגייר זיין. אפס מאותי. זאל ער זיך מגייר זיין ווען איך בין ניטא מיט דיא יודין. דאס מיינט מען ביי די איצטיגע צייט. איידער משיח קומט. מי גר אתך. ווער עס האט געוואוינט מיט דיר ווען דוא ביסט געוועזען ארעם. עליך יפול. וועט ער רוהען מיט דיר ווען משיח וועט קומען. אבער אנדערע גרים וועט מען ניט צוא נעמען:

פרק שלישי

תוספות. לא קבלו גרים בימי דוד ובימי שלמה מאתי הנתי ובה פרעה דבימי שלמה לא קשה דמידי הוא טעמה אלא משום שולחן מלכים והכי לא צריכי אבל קשה דאמרינן בהערל גבי מעשה דגבעונים דבימי דוד נתוספו גרים על ישראל ק"נ אלף וי"ל דמעצמן נתגיירו כדאשכחן גבי מרדכי ואסתר ורבים מעמי הארץ מתיהדים ויש ספרים שכתוב בהן לא קבלו גרים לא בימי דוד ולא בימי שלמה אלא שנעשו גרים גרורים והביא דס"ב דשבת בההוא דאתא לקמיה דהלל ואמר גיירני ע"מ לעשות כ"ג בשות היה הלל דסופו לעשות לש"ש וכן ההיא דהקבלה דאתא לקמיה דר' גיירני ע"מ שאכנס לאותו תלמיד:

כריתות. אין מקבלים גרים וכו' ובתוספות דס"ב דשבת ההוא דאתא לקמיה דהלל ואמר גיירני על מנת לעשות כ"ג בשות היה וכו'. ע"כ. והתמיה לי כיון דבימי דוד ושלמה לא קיבלו גרים לפי שהיו ישראל בגדולה אבל בזמן הזה שישראל הם בעניו' ושפלות מקבלין גרים ולא שאני לן בין מתגייר ע"מ לקבל פרס או לא א"כ מה הקשו התוספות מהלל שקיבל אותו שנתגייר ע"מ לעשות וכו' כי בימי הלל היו ישראל בגלות ונתקיים מי גר אתך מעוניך עליך יפול וכו' ולכך קיבלו אף על פי שאמר גיירני ע"מ שאהיה כ"ג דהא מסקינן לשל א' שנתגייר חוש לאשה וכו' וכן שנתגייר על שולחן מלכים כולם גרים הם וצריך לומר דה"מ בדיעבד אע"פ שהיה תלוי כך אבל לכתחלה ע' גייר ט על מנת כך לא. והלל שקבלו לכתחלה הוא משום שהיה בטוח בו בסופו לעשות לשם שמים:

פרק רביעי

א תניא. מיר האבען געלערנט רבי אליעזר בן יעקב זאגט אמענטש זאל ניט חתונה

אלא ועדיו עמו סנך. שנאמר: ת"ל וכי יגור. מ"מ ולקמן צריך כיון דעדיו עמו פשיטא ומיי בעי קרא: כל מקום שאתך. ולקמן פריך אלא אפיקתיה: צריך להביא ראיה. שבב"ד נתגייר שהלא נכנעוי מהאל טאל ומבוס ש הא דאח"י סוא דקאמר הכי ומסקר:

סחופים. סגלים וכפויין כמו כהופי ככא כע"יס כלי

ו מאבות ור"א נמי נילף מאמ־ות וכי תימא וכו׳ :

ו (סס פ"כ) ת"ר מי שבא ואמר גר אני יכול נקבלנו ת"ל אתך במוחזק לך בא ועדיו עמו מנין ת"ל (ויקרא יט) וכי יגור אתך גר בארצכם (דף מז) אין לי אלא בארץ בח"ל מנין ת"ל אתך בכל מקום שאתך א"כ מה ת"ל בארץ בארץ צריך להביא ראיה בח"ל אין צריך להביא ראיה דברי ר׳ יהודה וחכמים אומרים בין בארץ בין בח"ל צריך להביא ראיה :

ז ת"ר (דברים א) ושפטתם צדק בין איש ובין אחיו ובין גרו מכאן א"ר יהודה גר שנתגייר בב"ד ה"ז גר בינו לבין עצמו אינו גר מעשה באחד שבא לפני ר׳ יהודה וא"ל נתגיירתי ביני לבין עצמי א"ל ר"י יש לך עדים א"ל לאו יש לך בנים א"ל הן א"ל נאמן אתה לפסול את עצמך ואי אתה נאמן לפסול את בניך :

ת"ר גר שבא להתגייר בזמן הזה אומרים לו מה ראית [שבאת] להתגייר אי אתה יודע שישראל בזמן הזה דוויים סחופים ומטורפים ויסורין באים עליהם אם אמר יודע

חכמים זאגן אז דער גר האט זיך טובל געווען און ניט גימלת. אדער גימלת און גיט טובל געווען. איז ער ניט קיין גר. סיידן ער זאל זיך מל זיין און טובל זיין :

ה תנו רבנן : דיא רבנן האבין גילערנט אז איינער איז גיקומען און האט גיזאגט איך בין אגר. וואלט איך מיינען מען זאל אים נעמען צוא יודין. שטייט אין פסוק אתך. מיט דיר. אז דער גר איז מיט דיר און דוא ווייסט געוויס אז ער האט זיך מגייר געווען מעגסטו אים נעמען צוא יודין. אז איינער קומט מיט עדות וואס זאגין אויף אים אז ער האט זיך מגייר געווען. פון וואנען ווייסען מיר אז ער איז בגלויבט. שטייט אין פסוק אז עס וועט וואוינען מיט דיר אגר אין אייער לאנד: וואלט איך אים ניט נארין און ער זאל זיין ביא אייך אזוי וויא איוד. ווייס איך נאר אין ארץ ישראל האלט מען אים אזוי וויא איוד. פון וואנען ווייסען מיר אז אין חוץ לארץ דארף מען אים אויך האלטען אזוי וויא איוד שטייט אין פסוק אתך. מיט דיר. ווא דו וועסט וואוינען זאל דער גר זיין גליך מיט דיר. צו וואס רעדן שטייט דער מאנט ארץ ישראל אין ארץ ישראל דארף ער ברייננגען עדות אז ער איז אגר ווייל ער דארף נעמען לקט שכחה פאה מעשר עני און אין חוץ לארץ דארף ער ניט ברייננגען קיין עדות אז ער איז אגר. מען גלויבט אים אן עדות אויך. אזוי זאגט רבי יהודה. און דיא חכמים זאגין סיי אין ארץ ישראל און סיי אין חוץ לארץ דארף ער ברייננגען עדות אז ער איז אגר: און אן עדות גלויבט מען אים ניט :

ו תנו רבנן. דיא רבנן האבען גילערנט עס שטייט אין פסוק איר זאלט משפטין הערלאך צווישען אמענטש מיט זיין ברודער און צווישען איוד מיט אגר: פון דאנען האט רבי יהודה גילערנט צוא זאגין דער גר וואס האט זיך מגייר געווען ביא בית דין איז ער אגר. אז ער האט זיך מגייר געווען ביא זיך אליין. איז ער ניט קיין גר. אמענטש איז אמאהל גיקומען פר רבי יהודה און האט גיזאגט איך האב מיך מגייר געווען ביא זיך אליין. האט רבי יהודה צוא אים גיזאגט האסטו עדות אז דוא האסט דיך אליין מגייר געווען. האט ער גיזאגט ניין. דוא האסט קינדער: האט ער גיזאגט יא. האט רבי יהודה צוא אים גיזאגט דוא ביסט בגלויבט דיך פסול צוא מאכען. אבער דוא ביסט ניט בגלויבט פסול צוא מאכען דיינע קינדער :

ז תנו רבנן. דיא רבנן האבען גילערנט ביא איצטיגע צייט אז אגוי קומט און וויל זיך מגייר זיין. זאגט מען צוא אים צוא וואס וואלסטו דיך מגייר זיין: ווייסטו דען ניט אז די יודין זענען ביא איצטיגע צייט מיט שמערצין און פאר שטויסען און דער גידערט און פארווארפ׳ס

יודע אני ואיני כדי מיד מקבלין אותו (שם ע"ב) ומודיעין אותו מקצת מצות קלות ומקצת מצות חמורות מ"ט דאי פריש נפרוש דאמר ר' חלבו קשים גרים לישראל כספחת דכתיב (ישעיה יד) ונלוה הגר עליהם ונספחו על בית יעקב ומודיעין אותו עון לקט שכחה ופאה ומעשר עני מ"ט א"ר חייא בר אבא א"ר יוחנן בן נח נהרג על פחות משוה פרוטה ולא ניתן להשבון (שם ע"א) ומודיעין אותו עונשין של מצות אומרים לו הוי יודע שעד שלא באת למדה זו אכלת חלב אי אתה ענוש כרת חללת שבת אי אתה ענוש סקילה עכשיו אכלת חלב אתה ענוש כרת חללת שבת אתה ענוש סקילה וכשם שמודיעין אותו עונשן של מצות כך מודיעין אותו מתן שכרן אומרים לו הוי יודע שהעוה"ב אינו עשוי אלא לצדיקים וישראל בזמן זה אינם יכולים לקבל לא (שם ע"ב) רוב טובה ולא רוב פורענות ואין מרבין עליו ואין מדקדקין עליו אמר רבי אלעזר

כלי: ואיני כדאי. ואיני ראוי להשתתף בצרתם ומי יתן ואזכה לכך: דאי פריש. נפרוש ולא איכפת לן: דאמר מר קשים גרים לישראל כספחת דכתיב ונלוה הגר עליהם ונספחו על בית יעקב. לשון ספחת שאוחזין מעשיהם הראשונים ולומדין ישראל מהם או סומכין עליהם באיסור והיתר: ומודיעים אותו עון לקט שכחה ופאה. שלא יאמרו עניים הללו שלוקטין פאת שדי גזלנים הם ועומד עליהם להרגם בדיניהם שבני נח הוזהרו על הגזל בסנהדרין ואזהרתן זו היא מיתתן דלא בעי התראה לפיכך בן נח נהרג על פחות משוה פרוטה דנכרי קפיד על דבר מועט ובני ישראל בית מחילה: ולא ניתן להשבון. ואית בהזרה אלא נהרג דגבי ישראל כתיב והשיב את הגזלה אשר גזל אבל בני נח אמרינן בסנהדרין אזהרתן זו היא מיתתן וכיון שעבר על אחת משבע מצות נהרג. לישנא אחרינא מודיעין אותו עון לקט שכחה ופאה שואיל והם מקפידין על הממון כ"כ כדאמרן דנהרג על פחות משוה פרוטה מודיעין אותו עון לקט שכחה ופאה שמא יחזור בו מלהתגייר. ולשון זה עיקר דאי משום טעמא קמא מאי לשון עון לקט שכחה ופאה יודיעוהו שילקטו עניים בשדהו: לא רוב טובה. לפי שיצר הרע מחזר אחריהם כדאמרינן (בסוטה) [בסוכה ד' נב] ושמא תזוח דעתן עליהם ויבעטו: ואין מרבין עליו דברים. לאיים

אונ יסורים קומען אויף זייא. אויב ער זאגט איך ווייס אלץ אונ איך בין ניט ווערט צוא גענומען אחלק פון זייערע צרות. הלואי וואלט איך זוכה זיין צוא זיין אייד אונ ליידין מיט זיי צו זאמען. נעמט מען אים באלד צוא פאר אייד אונ מען זאגט אים אביסול גרינגע מצות אונ אביסול שווערע מצות. פאר וואס זאגט מען אים באלד דיא שווערע מצות. טאמער וועט ער חרטה האבען אונ וועט זיך אפ שיידין פון יודין: זאל ער זיך אפ שיידין. ווארום רבי חלבו האט געזאגט גרים זענין אזוי שעדליך פאר יודין זויא צרעת. ווארום עס שטייט אין פסוק ונלוה הגר עליהם: אז גרים וועלין זיך בהעפטין צוא יודין. ונספחו על בית יעקב: ווערלין זייא זיין צו דיא היים געזינד פון יעקב אזוי וויא צרעת. ווארום דיא גרים קענען ניט אזוי געשווינד אפ גיוואוינט ווערין פון זייערע ערשטע מעשים. טוהען זייא נאך דיא גוישע זאכען. דער ווייל לערונט זיך דער יוד פון אים. אונ טוהט אויך אזוי. אונ מען זאגט אים אז עס איז א גרויסע עבירה אז מען גיט ניט לקט שכחה פאה מעשר עני. פאר וואס זאגט מען אים די עבירות מער וויא אלע אנדערע עבירות. האט רבי חייא בר אבא געזאגט פון רבי יוחנן אז ארעמע לייט וועלין קומען אין זיין פעלד נעמען לקט שכחה פאה מעשר עני וועט ער זייא ניט וועלין געבין. אונ אז ער וועט שוין דער נאך אפילו וועלין געבין וועט שוין אויך ניט העלפין. ווארום ווא וועט ער איצט גיין זוכען די פריערדיגע ארעמע לייט וואס זייא האבען שוין זוכה גיוועזן דיא לקט שכחה פאה. דריבער זאגט מען אים דיא דינים. אונ מען זאגט אים דעם שטראף אז מען איז ניט מקיים דיא מצות: אונ מען זאגט אים דוא זאלסט וויסען איידער דוא ביסט דיך מגייר אז דוא עסט חלב קומט דיר ניט כרת. דוא ביסט מחלל שבת קומט דיר ניט צוא פאר שטייניגען: אבער אז דוא וועסט דיך מגייר זיין אונ וועסט עסין חלב. וועסטו גישטראפט ווערין מיט כרת. דוא וועסט מחלל שבת זיין וועט מען דיך הרגנן מיט שטייניגער. אונ אזוי ווי מען זאגט אים דעם שטראף אז ער וועט ניט מקיים זיין דיא מצות. אזוי זאגט מען אים דעם שכר וואס ער וועט האבען אז ער וועט יא מקיים זיין דיא מצות: מען זאגט אים דוא זאלסט וויסען אז עולם הבא איז ניט מער גימאכט גיווארין נאר פאר צדיקים. בייא איצטיגע צייט וואס דער יצר הרע איז דא קענען יודין ניט פאר נעמען ניט פיל גוטס אונ ניט פיל צרות: נאר צוא פיל מורא זאל מען ניט מאכען אויף דעם גר: מען זאל

להדי פומא נח נפשיה משום דאמר (ישעיה ו) ובתוך עם טמא שפתים אנכי יושב. מ"מ קשו קראי אהדדי וארא‍ת את ארני כדתניא כל הנביאים נסתכלו באספקלריא שאינה מאירה משה רבינו נסתכל באספקלריא המאירה. (ישעיה נה) דרשו ה' בהמצאו הא ביחיד הא בצבור ויחיד אימת אמר רב נחמן אמר רבה בר אבהו אלו עשרה ימים שבין ראש השנה ליום הכפורים . את מספר ימיך אמלא תנאי היא דתניא את מספר ימיך אמלא (דף נ) אלו שני דורות זכה משלימין לו לא זכה פוחתין לו דברי ר' עקיבא וחכמים אומרים זכה מוסיפין לו לא זכה פוחתין לו אמרו לו לר' עקיבא הרי הוא אומר והוספתי על ימיך חמש עשרה שנה אמר להם משלו הוסיפו לו תדע שהרי נביא עומד ומתנבא (מ"א יג) הנה בן נולד לבית דוד יאשיהו שמו

פומא . ישעיה נסרוה לפומיה ומת ופשיה תוספות שכי לא יפגם לנסורי פומיה משום דקריינהו לישראל עם טמא שפתים מדעתו שלא צוה לו הקב"ה ולא מתמת תוכחה דכתיב ואומר [אוי לי כי נדמיתי] וגו' : נסתכלו באספקלריא שאינה מאירה . וכסבורים לראות ולא ראו: משה נסתכל באספקלריא המאירה . וידע שלא ראהו בפניו : שני דורות . שנים שפוסקין לאדם בשעת לידתו : זכה מוסיפין לו . והאי אמלא לשון תוספת הוא . משלו הוסיפו לו . אלא שמתחלה היו חלין לפחות משניו : תדע . שמתחלה כשנולד פסקו לו כל אותו התוספת: שהרי נביא . שנתנבא בימי ירבעם שנים הרבה קודם שזה בן נולד לבית דוד יאשיהו שמו ובשעת חולין של חזקיהו עדיין לא נולד מנשה שממנו יצא יאשיהו והוי אומר בשעת חליו גזרו לפחות משניו וכשנכה השלימו לו :

וועג איז גיקומען צום מויל . איז ישעיה גישטארבין . ווייל ער האט גיזאגט אויף דיא יודין איך זיץ צווישען אפאלק וואס זייערע לעפצין זענין טמא . זאגט דיא גמרא וואס איז דער תירוץ אויף דיא קשיות וואס מנשה האט גיפרעגט . אזוי וויא מיר האבען גילערנט אלע נביאים האבען גיקוקט אויף גאט דורך אזוי אזאך וואס מען קען ניט קלאהר זעהן . האט זייא גידוכט אז זייא זעהן גאט . משה רבינו האט גיקוקט דורך אזוי אזאך וואס מען זעהט קלאהר . האט ער גיוואוסט אז ער האט גאט ניט גיזעהן : איז גיענטפערט איין קשיא . ווען פיל מענטשין מיט איין מאהל רופען צוא גאט : ענטפערט זייא גאט צוא יעדער צייט . אבער אז נאר איין מענטש רופט צוא גאט : ניט אלע מאהל ווערט גאט גיפונען צוא אים . ווען ווערט גאט יא גיפונען צו אים : האט רב נחמן גיזאגט פון רבה בר אבהום וועגין די צעהן טעג וואס פון ראש השנה ביז יום כפור : איז גיענטפערט די אנדערע קשיא . מיר האבין גילערנט עס שטייט אין פסוק דעם צאהל פון דיינע טעג וועל איך דער פילען . דאס מיינט מען די יארין וואס מען האט איהם צו גיזאגט ווען ער איז גיבארין גיווארין . אויב ער איז זוכה צייהלט מען אים צוא דיא יאהרין וואס מען האט איהם צוא גיזאגט : אונ אויב ער איז ניט זוכה פעלט אים נאך צוא דיא יאהרין וואס מען האט אים צו גזאגט . ער לעבט נאך וויינינגער . אזוי זאגט רבי עקיבא . אונ דיא חכמים זאגין אז ער איז זוכה גיט מען אים נאך מער יאהרין וויא מען האט אים צוא גיזאגט . אונ אז ער איז ניט זוכה פעלט אים נאך צוא דיא יאהרין וואס מען האט אים צוא גיזאגט . האבען דיא חכמים גיזאגט צוא רבי עקיבא עס שטייט דאך אין פסוק גאט האט גיזאגט צוא חזקיהו המלך איך וועל מערין אויף דיינע טעג פופצעהן יאהר : האט רבי עקיבא גיזאגט מען האט גיגעבין צוא חזקיהו זיין אייגענע יאהרין . מען האט פריער גיוואלט צוא נעמען בייא אים פופצען יאהר פון דיא וואס מען האט אים צוא גיזאגט ער זאל לעבין פופצעהן יאהר וויינינגער . דער נאך האט מען אים דיא פופצעהן יאהר צוריק גיגעבין . איך וועל אייך ווייזין אז מען האט נאך פריער צו גיזאגט צו חזקיהו דיא פופצעהן יאהר : וואדום דער נביא האט גיזאגט נביאות עס וועט גיבארין ווערין אוחקן צוא דיא פאמיליע פון דוד המלך . ער וועט הייסען יאשיהו . אונ יאשיהו איז גיבארין גיווארין פון מנשה : אונ בייא דער צייט וואס מען האט גיזאגט צוא חזקיהו אז ער וועט שוין שטארבין איז דאך נאך מנשה גיט גיבארין גיווארין : אז דאס וואלט גיוועו דיא ריכטיגע יאהרין וואס מען האט צוא גיזאגט צוא חזקיהו . ווען וואלט גיבארין גיווארין מנשה . נאר געווים איז אזוי גיוועזן . חזקיהו האט גידארפט לעבין נאך פופצעהן יאהר . אין דיא פופצעהן יאהר וואלט גיבארין גיווארין מנשה : דער נאך האט מען דיא פופצעהן יאהר גיוואלט פון אים צוא נעמען .

שמו ועדיין לא נולד מנשה . ורבנן מי כתיב נולד מחזקיה לבית דוד כתיב אי מחזקיה נולד אי מאינש אחרינא :

בראויה ליבעל . אע״פ שלא נבעלה : כשהוא אומר וכל הטף בנשים אשר לא ידעו הוי . הא אשה אע״פ שלא ידעה הרוגו בראויה ליבעל קרא מסתעי קרא : פניה מוריקות . גם היה : הדרוקן : פניהם מוריקות של עוברי עבירה: מאנשי יבש גלעד. בימי פלגש בגבעה שהרגו כל אנשי יבש גלעד לפי שלא באו לעזרם בשבט בנימן כשאר אחיהם והשיאו כל שלא נבעלה ונתנום לנותרים משבט בנימין לנשים:

מיפא

הבא על יבמתו פרק ששי

א (דף ס ע״ב) תניא (במדבר לא) וכל אשה יודעת איש בראויה ליבעל הכתוב מדבר אתה אומר בראויה ליבעל או אינו אלא נבעלה ממש כשהוא אומר וכל הטף בנשים אשר לא ידעו וגו׳ הוי אומר בראויה ליבעל הכתוב מדבר . מנא ידעי אמר רב (חנא) [הונא] בר ביזנא א״ר שמעון חסידא העבירום לפני הציץ כל שפניה מוריקות בידוע שהיא ראויה ליבעל כל שאין פניה מוריקות בידוע שאינה ראויה ליבעל . א״ר נחמן סימן לעבירה הדרוקן כיוצא בדבר אתה אומר (שופטים כא) וימצאו מיושבי יבש גלעד ארבע מאות נערה בתולה אשר לא ידעה איש למשכב זכר מנא ידעי א״ר כהנא הושיבה על פי חבית של יין בעולת

און מען האט זייא אים צוריק גיגעבין . אונ מאקי אין דיא פופצעהן יאהר איז גיבארין גיווארין מנשה . אונ דיא רבנן זאגין שטייט דען אז דער יאשיהו דארף גיבארין ווערין פון חזקיהו . צוא דיא פאמיליע פון דוד דארף ער גיבארין ווערין . אדער פון חזקיה וועט ער גיבארין ווערין אדר פון אאנדערין . אז מען וואלט ניט גיגעבין דיא פופצעהן יאהר צוא חזקיה . וואלט ניט גיבארין גיווארין מנשה . אונ ניט יאשיהו פון חזקיהו . נאר פון אאנדערין פון דיא פאמיליע פון דוד . נאר אז מען האט גימערט דיא פופצעהן יאהר צו חזקיהו איז אויס גיקומען אז מנשה איז גיבארין גיווארין פון חזקיהו אונ פון מנשה איז גיבארין גיווארין יאשיהו :

פרק ששי

א תניא . מיר האבען גילערונט עס שטייט אין פסוק ביי מדין יעדע אשה וואס וויס אמאן וואלט איר הרגנן . דער פסוק מיינט אז זיא איז אזוי אגרויסע אז מען קען איר בועל זיין : אפילו מען האט איר נאך ניט בועל גיוועזן . פון דעסטוועגין זאל מען איר הרגנן . פרעגט דיא גמרא טאמער גיין : נאר אזעלכע וואס מען האט איר שוין בועל גיוועזן זאל מען הרגנן . אבער אז מען האט איר נאך ניט בועל גיוועזן אפילו מען קען איר בועל זיין זאל מען איר ניט הרגנן . ענטפערט דיא גמרא אז עס שטייט אין פסוק אלע קליינע נקבות וואס ווייסען ניט פון אמאן זאל מען לאזין לעבין . אבער גרויסע נקבות אפילו זייא ווייסען ניט פון אמאן זאל מען זיי אויך הרגנן . ווייל מען קען זייא בועל זיין . פון וואנען האט מען גיוואוסט וועלכע וויים פון אמאן אונ וועלכע ניט : האט רב הונא בר ביזנא גיזאגט פון רבי שמעון חסידאס וועגין . מען האט זייא גיפירט פאר דעם ציץ ודיא גאלדענע בלעך וואס איז גיוועזן אויף דעם שטערין פון כהן גדול : דיא נקבה וואס איר פנים איז געל גיווארין האט מען גיוואוסט אז מען קען איר בועל זיין : אונ דיא נקבה וואס איר פנים איז ניט געל גיווארין . האט מען גיוואוסט אז מען קען איר נאך ניט בועל זיין . רב נחמן האט גיזאגט דער זכר אדער דיא נקבה וואס זענין מזנה ווערט זיי געל דער פנים : זאגט דיא גמרא מיר געפינען נאך אין אארט אויך אזוי : עס שטייט אין פסוק מען האט גיפונען פון דיא איין וואנער פון יבש גלעד פיר הונדערט מיידלאך בתולות וואס זייא האבען נאך ניט גיוואוסט פון אמאן : פון וואנען האט מען גיוואוסט וועלכע איז אבתולה . אונ וועלכע ניט : האט רב כהנא גיזאגט מען האט יעדער אשה גיזעצט אויף אפאס ווין . דיא אשה וואס האט גיהאט אמאן איז דער ריח פון דיא ווין אריין גיגאנגען אין איר . אונ פון איר מויל האט מען גישמעקט דיא ווין : אונ דיא אשה וואס איז גיוועזן אבתולה האט דער ריח פון דיא ווין ניט

מינהו אין. כלומר מינהו המלך אבל אחיו הכהנים וסנהדרין לא מינהו: נתמנה לא. נתמנה לא קתני דמשמע דלאו היה לכך: קטיר קחזינא כבא. קשר של רשעים אני רואה כאן שלא היה ראוי לכך אלא מן ממונו ומינוהו: אם קין אם כבל. מכאן ריבריין לומר נקבות היו עמהן: כי שת לי אלהים זרע אחר תחת הבל. אלמא תשלומין כפי ולא מכי בלא ב' זכרים וב' נקבות: מצוה

בעולה ריחה נודף בתולה אין ריחה נודף. ונעבירנה לפני הציץ א"ר כהנא בריה דר' נתן (שמות כח) לרצון להם כתיב לרצון ולא לפורענות אי הכי במדין נמי אמר רב אשי להם כתיב להם לרצון ולא לפורענות לנכרים אפילו לפורענות:

ב **מתני'** מעשה ביהושע בן גמלא שקידש למרתא בת בייתוס ומינהו המלך להיות כהן גדול וכנסה וכו': **גמ'** מינהו אין נתמנה לא אמר רב יוסף קטיר קחזינא הכא דא"ר אסי תרקבא דדינרי עיילה ליה מרתא בת בייתוס לינאי מלכא עד דמוקי ליהושע בן גמלא בכהנא רברבא:

ג (פ"ג) **תניא** אין בתולה אלא נערה וכן הוא אומר (בראשית כד) והנערה טובת מראה מאד בתולה:

ד **אמר** רב נחמן אמר שמואל אע"פ שיש לו לאדם כמה בנים אסור לעמוד בלא אשה שנאמר (בראשית ב) לא טוב היות האדם לבדו. (דף סב) תניא שלשה דברים עשה משה [מדעתו] והסכימה דעתו לדעת המקום פירש מן האשה ושבר הלוחות וכו':

ה **תניא** ר' נתן אומר ב"ש אומרים שני זכרים ושתי נקבות וב"ה אומרים זכר ונקבה.

אמר

גיקענט אריין אין איר. האט פון איר מויל ניט גישמעקט קיין ויין. פרעגט דיא גמרא פר וואס האט מען זיי ניט געפירט פאר דעם ציץ. האט רב כהנא בריה דרבי נתן גיזאגט עס שטייט אין פסוק דער ציץ זאל זיין צום בעווילינג. אבער ניט צוא שלעכץ. פרעגט דיא גמרא האט מען דאך ביא מדין אויך ניט גידארפט דורך פירען פאר דעם ציץ. האט רב אשי גיזאגט עס שטייט אין פסוק דער ציץ זאל זיין צום בעווילגען צוא זייא. צוא דיא יודין. צוא דיא יודין איז דער ציץ גיווען נאר צום בעווילגען אבער ניט צוא שלעכץ. אבער צוא גוים איז דער ציץ גיוועזן אפילו צוא שלעכץ אויך:

ב **מתניתין**. מעשה. יהושע בן גמלא האט מקדש גיוועזן דיא אשה מרתא בת בייתוס האט דער מלך אים גימאכט פאר אכהן גדול. פרעגט דיא גמרא דער מלך האט אים גימאכט פאר אכהן גדול. אבער דיא סנהדרין האבען אים ניט גיוואלט מאכען פאר אכהן גדול. האט רב יוסף גיזאגט מען זעהט אז דא איז גיווען אבונד פון רשעים. יהושע בן גמלא איז ניט ווערט גיוועזן צוא זיין אכהן גדול. נאר ער האט גיגעבין געלט צום מלך האט ער אים גימאכט פר אכהן גדול. וואררום רב אסי האט גיזאגט דריי קבין געלט האט מרתא בת בייתוס גיגעבין צו ינאי המלך האט ער גימאכט יהושע בן גמלא זאל זיין אכהן גדול:

ג **תניא**. מיר האבען גילערנט אז עס שטייט אין פסוק בתולה. מיינט מען אנערה ואמיידיל וואס איז אלט פון צוועלף יאהר ביז זעקס חדשים אויף דעם דרייצעהנטען יאהר). אונ אזו שטייט אין פסוק דיא נערה איז גיוועזן זייער שיין אונ איז גיוועזן אבתולה. וואנ פון צוועלף יאהר אונ ווייטער ביז זעקס חדשים אויף דעם דרייצעהנטין יאהר הייסט זיא אנערה:

ד **אמר**. רב נחמן האט גיזאגט פון שמואלס וועגין אפילו אמענטש האט פיל קינדער דעסטוועגין טאר ער ניט זיין אן אווייב. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק עס איז ניט גוט אמענטש זאל זיין אליין. מיר האבען גילערנט דרייא זאכען האט משה רבינו גיטאהן מיט זיין ווילען אונ גאט האט אויך איין געווילגט וויא ער האט גיטאן. איינע פון דיא דריי זאכען איז וואס ער האט זיך אפ גישיידט פון זיין ווייב:

ה **תניא**. מיר האבען גילערנט רבי נתן זאגט בית שמאי זאגין אז אמענטש האט צווייא

אמר רב הונא מאי טעמא דר"נ אליבא דב"ש דכתיב (בראשית ד) ותוסף ללדת את אחיו את הבל הבל ואחותו קין ואחותו וכתיב (שם) כי שת לי אלהים זרע אחר תחת הבל כי הרגו קין ורבנן אודויי הוא דקא מודי:

מטום דרב אסי. כלומר טעמא דפריה ורביה מטום דרב אסי והאי כיון דנטלו על ידו מנשמות שבאוצר שבגוף נמצא הרי קיים פריה ורביה: [מגא הא מילתא וכו'. אבני בנו קאי דבן בנו

ו איתמר היו לו בנים ומתו רב הונא אמר קיים פריה ורביה ר' יוחנן אמר לא קיים. רב הונא אמר קיים משום דרב אסי דאמר רב אסי אין בן דוד בא עד שיכלו כל הנשמות שבגוף שנא' (ישעיה נז) כי רוח מלפני יעטוף ונשמות אני עשיתי. ור' יוחנן אמר לא קיים פריה ורביה לשבת יצרה בעינן והא ליכא:

ז (ע"ב) א"ל רבה (לרבה) [לרבא] בר מארי מנא הא מילתא דאמור רבנן בני בנים הרי הן כבנים אילימא מדכתיב (בראשית לא) הבנות בנותי והבנים בני אלא מעתה והצאן צאני ה"נ אלא דקנית מינאי ה"נ דקנית מינאי אלא מהכא (ד"ה א ב) ואחר בא חצרון אל

זכרים אונ צווייא נקבות האט ער מקיים געוועזן דיא מצוה פרו ורבו. אונ בית הלל זאגין אפילו ער האט נאר איין זכר אונ איין נקבה האט ער שוין אויך מקיים געוועזן דיא מצוה פרו ורבו: רב הונא זאגט פאר וואס זאגט רבי נתן אז בית שמאי זאגין מען מוז האבען צווייא זכרים אונ צווייא נקבות. ווארום עס שטייט אין פסוק חוה האט געבארין את אחיו את הבל. ווענין דיא צווייא יעדעמער איר את איבעריג. צוא ווייזין אז חוה האט געבארין הבל מיט אשוועסטער אונ קין מיט אשוועסטער. אונ אז הבל איז גיהרגת געווארין שטייט אין פסוק חוה האט גיזאגט גאט האט מיר גיגעבין איין אנדער קינד פאר הבל וואס קין האט אים גיהרגת. זעהן מיר אז מען מוז האבען צווייא זכרים אונ צווייא נקבות. ווארום אז הבל איז גיהרגת געווארין האט זיא באלד גיהאט איין אנדער זוהן אויף דיין ארט. אונ דיא רבנן זאגין איין זכר אונ איין נקבה איז אויך גינוג. נאר חוה האט גילויבט גאט פאר וואס ער האט איר גיגעבין נאך אזוהן. אבער ניט ווייל מען מוז האבען צווייא זיהן:

ו איתמר. מיר האבען גילערנט אז ער האט גיהאט קינדער אונ זייא זענין גישטארבין. רב הונא זאגט ער האט מקיים געוועזן די מצוה פרו ורבו. רבי יוחנן זאגט ער האט ניט מקיים געוועזן דיא מצוה פרו ורבו. רב הונא זאגט יא ער האט מקיים געוועזן דיא מצוה פרו ורבו. ווארום דיא מצוה וואס אמענטש דארף האבען קינדער איז אזוי ווי רב אסי האט גיזאגט. אז משיח וועט אנדערש ניט קומען ביז עס וועט אויס גינומען ווערין אלע נשמות וואס זענין אין דעם אוצר וואס הייסט גוף. ווארום עס שטייט אין פסוק גאט זאגט עס וועט דיין אגוטער ווילען פון מיר (צוא ברייננגען משיח) אז עס וועלין גיבארין ווערין אלע נשמות וואס איך האב בשאפען גיט פריער. אונ אז ער האט גיהאט קינדער זענין דאך דורך זיא ארויס גינומען געווארין נשמות פון אוצר. האט ער דאך גיהאלפען צוא דער גענטערין משיח זאל קומען. אונ רבי יוחנן זאגט ער האט ניט מקיים געוועזן דיא מצוה פרו ורבו. ווארום דיא מצוה וואס אמענטש דארף האבען קינדער איז דיא וועלט זאל בזעסין ווערין. אונ אז די קינדער זענין גשטארבען ווען זיי זענין גיוועזן יונג אונ האבען ניט גילאזין קיין קינדער. ווי אזוי וועט דיא וועלט בזעסין ווערין:

ז אמר. רבה האט גיזאגט צוא רבא בר מארי פון וואנען ווייסען מיר וואס דיא רבנן האבען גיזאגט אז דיא זיהן פון זיין טאכטער איז גלייך וויא זייא וואלטין גיוועזן זיינע זיהן. זאלין מיר זאגען ווייל לבן האט גזאגט דיא טעכטער זענין מיינע טעכטער אונ דיא זיהן זענין מיינע זיהן: האט דאך לבן גירופען זיינע טעכטערס זיהן. מיינע זיהן. וועלין מיר פרעגין וויא האט לבן גימיינט דיא שעפסין זענין מיינע שעפסין. זייא זענין פון מיר גיבארין געווארין: נאר ער האט גימיינט יעקב האט דיא שעפסין בעקומען פון אים. אזוי בייא דיא קינדער האט אויך לבן אזוי גימיינט. דוא האסט דיא קינדער בעקומען פון מיר. אבער לבן האט גאר ניט גימיינט צוא

אל בת מכיר אבי גלעד ותלד לו את שגוב וכתיב (שופטים ה) מני מכיר ירדו מחוקקים וכתיב (תהלים ס) יהודה מחוקקי :

ח תניא ר' יהושע אומר נשא אדם אשה בילדותו ישא אשה בזקנותו היו לו בנים בילדותו יהיו לו בנים בזקנותו שנאמר (קהלת יא) בבקר זרע את זרעך ולערב אל תנח ידך כי אינך יודע אי זה יכשר הזה או זה ואם שניהם כאחד טובים . רבי עקיבא אומר למד תורה בילדותו ילמוד תורה בזקנותו היו לו תלמידים בילדותו יהיו לו תלמידים בזקנותו שנאמר בבקר זרע את זרעך וגו' אמרו שנים עשר אלף זוגים תלמידים היו לו לר' עקיבא מגבת עד אנטיפרס וכולן מתו בפרק אחד מפני שלא נהגו כבוד זה בזה והיה העולם שמם עד שבא ר' עקיבא אצל רבותינו שבדרום ושנאה לר' מאיר ור' יהודה ור' יוסי ור' שמעון ור"א בן שמוע והם הם העמידו תורה באותה שעה. תנא כולם מתו מפסח ועד עצרת אמר רב חמא בר אבא ואיתימא ר' חייא בר אבין וכלם מתו מיתה רעה מאי היא א"ר נחמן אסכרה :

פסיקתא קן] : מני מכיר ירדו מחוקקים . ולא אלינו למימר מבני בניו אלא מבני בהו דהא כתיב קרא אתכינא יהודה מחוקקי ולא מכבהת לה דליתו פתרוייהו אלא סכי דנפקו מחוקקים מהלגון מכתו של מכיר אלמא בני בהו כבניו :
זמרע . לעת זקנתו : אי זה יכשר איזה זרע יהיה כגון וירא שמים ומתקיים : מגבת ועד אנטיפרס . שם מקומות :

זאגט אז זיינע טעכטערס קינדער זענען זיינע : נאר פון דעם פסוק ווייסען מיר : דער נאך איז געקומען חצרון צוא דיא טאכטער פון מכיר וואס מכיר איז דער פאטער פון גלעד אונד זי האט געבארין צו איהם דעם שגוב . אונד ער שטייט אין פסוק פון מכיר האבען געגידערט געזעצ געבערס אונד עס שטייט אין פסוק יהודה איז מיין געזעצ געבער . דער וואס רופט מען דיא געזעצ געבערס אויף דעם נאמען פון מכיר וואס ער איז פון שבט יוסף . דער געזעצ געבער איז פון שבט יהודה . נאר ווייל דיא טאכטער פון מכיר האט געבארין דעם געזעצ געבער פון חצרון וואס ער איז פון שבט יהודה : אונד דער זוהן פון מכירס טאכטער ווערט גירופען מכירס זוהן .

ח תניא . מיר האבען גילערונט רבי יהושע זאגט אז א מענטש האט גיהאט א ווייב אין זיין יוגענד ואונד איז איז גישטארבין . זאל ער נעמען א ווייב אויף זיין עלטער . אז ער האט גיהאט קינדער אין זיין יוגענד : זאל ער זעהן צוא האבען קינדער אויף זיין עלטער . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אין דער פריא [אין דיין יוגענד] זאלסטו זייען דיין זייהונג וואלסטו האבען קינדער] . אונד פארין נאכט [אין דיין עלטער] זאלסטו ניט אפ לאזין דיין האנט [זאלסטו ווייטער האבען קינדער] : ווארום דוא ווייסט ניט וועלכע קינדער עס וועלין גוט זיין . פון דער יוגענד . אדער פון דער עלטער . אדער ביידע וועלין זיין גוט . רבי עקיבא זאגט אז ער האט גילערנט תורה אין זיין יוגענד . זאל ער לערנען תורה אין זיין עלטער . אז ער האט גיהאט תלמידים אין זיין יוגענד . זאל ער האבען תלמידים אויף זיין עלטער . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אין דער פריא [אין דיין יוגענד] זאלסטו פאר זייען דיין זייהונג וואלסטו פאר שפרייטען דיין תורה צוא תלמידים] . אונד פארין נאכט [אין דיין עלטער] זאלסטו ניט אפ לאזין דיין האנט פון דיינע תלמידים . מען האט גיזאגט אז רבי עקיבא האט גיהאט צוועלף טויזענד פאר תלמידים . זייא האבען גיוואוהנט פון גבת ביז אנטיפרס . אונד אלע זענין גישטארבען אין איין צייט . ווייל זייא האבען ניט גיגעבען כבוד איינער צום אנדערין : איז דיא וועלט גיוועזען וויסט ביז רבי עקיבא איז גיקומען צוא דיא רבנן וואס אין דרום אונד ער האט מיט זייא גילערונט . דיא רבנן זענין גיוועזען רבי מאיר אונד רבי יהודה אונד רבי יוסי אונד רבי שמעון אונד רבי אלעזר בן שמוע . די רבנן האבען אויף גישטעלט דיא תורה אין דער צייט . מיר האבען גילערונט אלע תלמידים פון רבי עקיבא זענין גישטארבען פון פסח ביז שבועות : רב חמא בר אבא האט גיזאגט . אנדערע זאגען רבי חייא בר אבין האט גיזאגט אלע זענין גישטארבען מיט א שלעכטין טויט . מיט וועלכין טויט . האט רב נחמן גיזאגט מיט אסכרה . ודאס איז אזוי א קראנקייט מ'זאם עס דער שטיקט דעם מענטשן :

ט א"ר הנחום א"ר חנילאי כל יהודי שאין לו אשה שרוי בלא שמחה בלא ברכה בלא טובה. בלא שמחה דכתיב (דברים יד) ושמחת אתה וביתך. בלא ברכה דכתיב (יחזקאל מד) להניח ברכה אל ביתך. בלא טובה דכתיב (בראשית ב) לא טוב היות האדם לבדו. במערבא אמרי בלא תורה ובלא חומה. בלא תורה דכתיב (איוב י) האם אין עזרתי בי [ותושיה נדחה ממני]. בלא חומה דכתיב (ירמיה לא) נקבה תסובב גבר. רבא בר עולא אמר אף בלא שלום דכתיב (איוב ה) וידעת כי שלום אהלך וגו'. [אמר ריב"ל כל היודע באשתו שהיא יראת שמים ואינו פוקדה נקרא חוטא שנאמר וידעת כי שלום וגו'. וארוב"ל חייב אדם לפקוד את אשתו בשעה שהוא יוצא לדרך שנא' וידעת כי שלום אהלך וגו'] . ת"ר האוהב אשתו כגופו והמכבדה יותר מגופו והמדריך בניו ובנותיו בדרך ישרה והמשיאן סמוך לפרקן עליו הכתוב אומר וידעת כי שלום אהלך . ת"ר האוהב את שכניו והמקרב את קרוביו והנושא את בת אחותו (דף כג) והמלוה סלע לעני בשעת דחקו עליו הכתוב אומר

ביתך. אשה: האם אין עזרתי בי. אשתי דכתיב עזר כנגדו מיד תושיה נדחה ממנו שצריך לעסוק בצרכי ביתו ותלמודו משתכח: וידעת כי שלום אהלך. בזמן שיש לך אהל ואין אהלו אלא אשתו שנאמר שובו לכם לאהליכם: [ואינו פוקדה בתשמיש בעת עונתה: כי שלום אהלך שלמה ביראת שמים: בשעה שיוצא לדרך. . מב.. שמתאוה לה בהיותה שעה יו"ר]: יותר מגופו. דזילותא דאתתא קשיא מדגברא: והנושא את בת אחותו. געגועי אדם רבים על אחותו יותר מן אחיו ומתוך כך נמנה

ט אמר. רבי תנחום האט געזאגט פון רבי חנילאים וועגן דער יוד וואס האט ניט קיין ווייב לעבט ער אן שמחה אן ברכה אן גוטס; אן שמחה. ווארום עס שטייט אין פסוק דוא זאלסט דיך פרייען מיט דיין ווייב; אן ברכה; ווארום עס שטייט אין פסוק דוא זאלסט לאזין אברכה צוא דיין ווייב; אן גוטס. ווארום עס שטייט אין פסוק עס איז ניט גוט אמענטש זאל זיין אליין אן אווייב. אין ארץ ישראל האט מען געזאגט דער וואס לעבט אן אווייב; איז ער אן תורה אונ אן אמאהער. אן תורה; ווארום עס שטייט אין פסוק אויב מיין הילף [מיין ווייב] איז ניטא מיט מיר. איז דיא תורה אפ געשטויסען געווארין פון מיר. ווייל ער בארף אלץ אליין טאהן; האט ער ניט צייט צוא לערנען. אן אמאהער. ווארום עס שטייט אין פסוק די נקבה רינגעלט ארום דעם מאן; זיא פאר שטעלט אים אונ בשיצט אים פון אלע שלעכטס. אזוי וויא אמאהער. רבא בר עולא זאגט דער וואס לעבט אן אווייב. לעבט ער ניט מיט פרידען. ווארום עס שטייט אין פסוק דוא וועסט וויסען אז דיין געצעלט [דיין ווייב] איז שלום. אז דו האסט אין דיין געצעלט אווייב. וועסטו וויסען פון פרידען. אונ אויב דוא האסט ניט קיין ווייב אין דיין געצעלט. וועסטו ניט האבען פרידען; רבי יהושע בן לוי זאגט דער וואס ווייס אז זיין ווייב איז אפרומע; אונ ער דער ווייטערט זיך פון איר; הייסט ער אזינדיגער; אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אז דוא ווייסט דיין געצעלט [דיין ווייב] איז גאנץ אין פרומקייט. זאלסטו געדיינקען דיין וואוהנונג [דיין ווייב]; וועסטו ניט זינדיגען. אבער אז דוא וועסט איר ניט געדיינקען. וועסטו זינדיגען. נאך האט רבי יהושע בן לוי געזאגט אמענטש דארף געדיינקען זיין ווייב מיט תשמיש איידער ער פארט אין וועג; אזוי וויא עס שטייט אין פסוק (אז דוא גייסט אין וועג אונ) דוא וועסט וויסען אז דיין געצעלט (דיין ווייב) איז שלום מיט דיר (ווארום פאר דיין אוועק פארין האסטו מיט איר משמש המטה געוועז). אז דוא וועסט קימען צוריק פון וועג אין דיין וואהנונג וועסטו געפינען דיין געצעלט גאנץ. עס וועט אין אים גאר ניט פעלין: דיא רבנן האבען געלערנט דער וואס האט ליב זיין ווייב אזוי וויא זיך אליין. אונ ער האלט איר מיט מער כבוד וויא ער האלט זיך אליין. אונ ער פירט זיינע זיהן מיט זיינע טעכטער אין פרומען וועג; אונ ער מאכט זייא חתונה נאנט צוא דער צייט וואס זייא דארפין חתונה האבען. אויף אים זאגט דער פסוק דוא וועסט וויסען אז אין דיין געצעלט איז פרידען. דיא רבנן האבען געלערנט דער וואס האט ליב זיינע שכנים. אונ ער איז נאנט צוא זיינע פריינד צוא העלפין זייא ווען זייא בארפין הילף; אונ ער נעמט פאר אווייב זיין שוועסטערס טאכטער. אונ ער פאר בארגט געלט דעם ארעם מאן ווען

אומר (ישעיה נח) אז תקרא וה׳ יענה תשוע ויאמר הנני :

י א״ר אלעזר כל יהודי שאין לו אשה אינו אדם שנא׳ (בראשית ה) זכר ונקבה בראם ויקרא את שמם אדם . ואמר ר׳ אלעזר כל [אדם] שאין לו קרקע אינו אדם שנאמר (תהלים קטו) השמים שמים לה׳ והארץ נתן לבני אדם . וא״ר אלעזר מאי דכתיב (בראשית ב) אעשה לו עזר כנגדו זכה עוזרתו לא זכה כנגדו . ואיכא דאמרי רבי אלעזר רמי כתיב כנגדו וקרינן (כנגדו) [כניגדו] זכה כנגדו לא זכה מנגדתו . אשכחיה ר׳ יוסי לאליהו א״ל כתיב אעשה לו עזר במה אשה עוזרתו לאדם א״ל אדם מביא חטין חטין כוסס פשתן פשתן לובש לא נמצאת מאירה עיניו ומעמידתו על רגליו . ואמר ר׳ אלעזר מאי דכתיב (שם) זאת הפעם עצם מעצמי ובשר מבשרי מלמד שלא נתקררה דעתו עד שבא על חוה . ואמר ר״א מאי דכתיב (שם יב) ונברכו בך כל משפחות האדמה אמר לו הקדוש ברוך הוא לאברהם שתי בריכות טובות יש לי להבריך בך רות המואביה ונעמה

המגבב את אחותו : אז תקרא. לעיל מיניה כתיב כי תראה ערום וכסיתו היינו חתן עני ומבשרך לא תתעלם היינו אוהב את שכניו שהם כקרוביו ומקרב את קרוביו ונושא את בת אחותו :

כנגדו . חלוקה עליו וסותרת דבריו : (כתיב כנגדו) [מנגדתו] מדלא כתיב יו״ד למון נגידה דמלקות : חטים כוסס . בתמיה : זאת הפעם . מכלל דפעמים אחרים שימש ולא עלו בדעתו : שתי בריכות . כמו מבריך את הגפן : רות המואביה ונעמה העמונית . יצאו מהן מלכים ונביאים נעמה אמו של רחבעם ויצא ממנה חזקיה ואסא ויהושפט צדיקים גמורים וישעיה הנביא דאמר מר אמוץ ואמציה אחי הוו :

אים איז איינג׳ ווען ער דארף נייטיג . אויף אים זאגט דער פסוק ווען דוא וועסט רופען צוא גאט וועט דיר גאט ענטפערין ׃ דוא וועסט שרייען צוא גאט וועט גאט זאגין איך בין אן גיברייט צוא דיר ׃

י אמר ׃ רבי אלעזר האט גיזאגט דער יוד וואס לעבט אן אווייב איז ער ניט קיין מענטש . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק גאט האט זייא בשאפען אזכר מיט אנקבה אונ ער האט גירופען זייער נאמען מענטש ׃ נאך האט רבי אלעזר גיזאגט דער מענטש וואס האט ניט קיין פעלד . איז ער ניט קיין מענטש . ווארום עס שטייט אין פסוק דיא הימלען זענין צוא גאט אונ דיא ערד האט ער גיגעבין צוא מענטשין . נאך האט רבי אלעזר גיזאגט עס שטייט אין פסוק איך וועל אים מאכען אהילף געגין אים . אויב דער מענטש איז זוכה איז דיא ווייב זיינע אהילף ׃ אויב ער איז ניט זוכה איז דיא ווייב אים אנטקעגין . וואס ער וויל טאהן שטערט זיא אים ׃ אונ עס איז קריג צווישען זייא . אנדערע זאגין רבי אלעזר האט גיפרעגט עס שטייט אין פסוק כנגדו אונ מיר לייענען כניגדו . אויב ער איז זוכה שטייט דאס ווייב געגין אים צו העלפין אים אין יעדער זאך . אונ אויב ער איז ניט זוכה האט ער אזוי אווייב וואס זי קריגט מיט אים אונ שלאגט אים . רבי יוסי האט אמאהל בגעגינט אליהו הנביא האט ער אים גיפרעגט עס שטייט אין פסוק איך וועל אים מאכען אהילף . מיט וואס העלפט דיא ווייב דעם מאן . האט אליהו גיזאגט צוא רבי יוסי אז אמענטש ברייגגט פון גאס ווייץ ׃ וועט ער קייען דיא ווייץ . ער ברייננט פלאקס ׃ וועט ער דיא פלאקס אן קליידן ׃ נאר דאס ווייב מאלט דיא ווייץ אונ מאכט מעל אונ באקט ברויט אונ גיט דעם מאן ברויט צוא עסין ׃ דיא שפינט דיא פלאקס אונ מאכט פאדים אונ וועבט אקאפאטע . אונ גיט דעם מאן אפערטיגע קאפאטע אן צוא קליידען . מאכט זיא דאך לייכטען זיינע אויגען . אונ שטעלט אים אויף זיינע פיס ׃ נאך האט רבי אלעזר גזאגט עס שטייט אין פסוק דאס מאהל איז דיא אשה אביין פון מיינע ביינער אונ פלייש פון מיין פלייש . דער פסוק זאגט אונז אז אדם הראשון האט בועל גיוועזען בהמות אונ חיות אונ ער איז ניט געקיהלט גיווארין ביז ער האט בועל גיוועזען זיין ווייב חוה . נאך האט רבי אלעזר גזאגט עס שטייט אין פסוק ונברכו בך כל משפחות האדמה . טייטשט רבי אלעזר דעם ווארט ונברכו צוויא טייטשין ׃ פלאנצען אונ בענטשין גאט האט גיזאגט צו אברהם אבינו צווייא גוטע פלאנצונג האב איך צוא פלאנצען אין דיר . רות פון מואב ׃ אונ

ונעמה העמונית כל משפחות האדמה אפילו משפחות הדרות באדמה אין מתברכית אלא בשביל ישראל (בראשית יח) כל גויי הארץ אפילו ספינות הבאות מגליא לאספמיא אינן מתברכות אלא בשביל ישראל:

יא וא"ר אלעזר עתידין כל בעלי אומניות שיעמדו על הקרקע שנאמר (יחזקאל כז) וירדו מאניותיהם כל תופשי משוט מלחים כל חובלי הים על הארץ יעמדו. וא"ר אלעזר אין לך אומנות פחותה מן הקרקע שנאמר וירדו. ר' אלעזר חזייה להיא ארעא דשדי ביה כרבא לפותיה א"ל אי תשדייה לאורכך הפוכי בעיסקא טב מינך. רב על לביני שבילי חזנהו דקא נייפין אמר להו אי תנופו איתניפן הפוכי בעיסקא טב מינך. אמר רבא מאה זוזי בעיסקא כל יומא בשרא וחמרא מאה זוזי בארעא מילחא והפורה ולא עוד אלא מגניא ליה אארעא ומרמא ליה תיגרא אמר רב פפא זרע ולא תזבין אע"ג דכי הדדי נינהו הני

ביעמדו על הקרקע. יניחו אומנותם לעסוק בחרישה וקציר: וירדו מאניותיהם כל תופשי משוט על הארץ יעמדו. וירדו לשון ירידה עניות: דשדי ביה כרבא. זרע כרוב לא כרבא חרישה כמו כרוב ותמי כמה דמסיק העלה מבי כרבא: לפותיה. לרוחב הערוגה. אי תשדייה לאורכך. כלו' אפי' תהפוך ותחרישנה לא יועיל כלום לפי העסק: הפוכי בעסקא. טוב להרויח יותר: דקא נייפין. הרוח מכשכשן זו בזו: אי תניפו. כמה שתרצו תנופפו אין תועלת בכם לפי פרקמטיא: תניפו לשון הניפי לי במניפה: והפורה. שתת שמכרה מועט ואוכל משבים והזית במלת הפורה ירק מן התבואה עד שאוכלה כליה כלים: מגניא ליה אארעא [משכבת אותו על הארץ] לשמור כל הלילה: [ומרמא ליה תגרא. בשבילה מתקוטט עם בני אדם]: זרע. תבואה לאכילת ביתך: ולא תזבין. לא תקנה תבואה מן השוק: ואע"ג דכי הדדי נינהו. אפילו חטין באה וקרקעך הימנו תשוב ואין לך שכר לפי (השער) [השעה] אפילו הכי הני מתברכין ברכה מצויה בדבר שאין לוקח בדמים ואין כלה מהר: ברכה. פיוס"ב

נעמה פון עמון. אונ עס וועלין געבענשט ווערין מיט דיר אלע משפחות פון דער ערד. אפילו דיא משפחות וואס וואונען נאר אויף דער ערד דאס מיינט מען אלע פעלקער. ווארום יודין וואונען אויף דער ערד אונ אויף דעם הימעל. דיא נשמות זייערע זענען פון הימעל. רי"ף. וועלין אויך געבענשט ווערין נאר פון דעם זכות פון דיא יודין: נאך שטייט אין פסוק עס וועלין געבענשט ווערין מיט איהם אלע פעלקער פון דער וועלט. אפילו דיא שיפען וואס קומען פון גליא צוא אספמיא ווערין נאר געבענשט דורך דעם זכות פון יודין:

יא ואמר. נאך האט רבי אלעזר געזאגט עס וועט קומען א צייט וואס מען וועט אוועק לייגען אלע ארבעט. אונ מען וועט נאר ארבעטין דיא ערד זייעהן שניידין. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק זייא וועלין אראפ נידערין פון זייערע שיפען אלע וואס האלטען לאפעטעס צו שטויסען דיא שיף. אונ אלע מאטראזין אונ דיא וואס ציהען מיט שטריק דיא שיף אויף דעם ים. אונ זייא וועלין שטיין אויף דיא ערד. זייא וועלין ארבעטין דיא ערד: נאך האט רבי אלעזר געזאגט עס איז ניטא קיין ערגערע ארבעט וויא צוא ארבעטין דיא ערד. ווארום עס שטייט אין פסוק וירדו. זייא וועלין אראפ נידערין פון דיא שיף ארבעט צוא דיא ערד ארבעט. זעהן מיר אז דיא ערד ארבעט הייסט אדער נידערונג. רבי אלעזר האט געזעהן א פעלד וואס אין איר איז געוועזן פאר זייט קרויט אין דיא ברייט פון דיא זאגאנעס. האט רבי אלעזר געזאגט אפילו מען וועט אין דיר פאר זייען דיא קרויט אין דיא לייג פון דיא זאגאנעס. פון דעסטוועגין איז א האנדיל בעסער וויא דוא ביסט: רב איז אמאהל אריין געגאנגען אין א פעלד צווישען דיא זאנגען. האט ער געזעהן וויא דער ווינט בלאזט דיא זאנגען איינעם אויף דעם אנדערין: האט רב געזאגט צוא דיא זאנגען אפילו איר וועט אייך נאך מער בלאזין. פון דעסטוועגין איז א האנדיל בעסער פון אייך. רבא האט געזאגט אז איינער האט הונדערט גילדין אין האנדיל קען ער עסין אלע טאג פלייש אונ טרינקען וויין. אונ דער וואס האט הונדערט גילדין אין ערד: קען ער נאר האבען פון איר אויף זאלץ אונ אביסעל אומצייטיגע תבואה. אונ ער מוז שלאפען אין פעלד אויף דיא ערד צוא היטען דיא תבואה: אונ ער מוז זיך אלע מאהל קריגען מיט מענטשין: רב פפא זאגט דוא זאלסט זייען אין פעלד פאר דיין הויז געזינד צום עסין: דוא זאלסט ניט דארפען קויפען עסין פון גאס. אפילו עס וועט דיך אלץ איינס קאסטין: ווארים די

הני מברכן זבן ולא תידול ה"מ ביסתרקי אבל גלימא לא מתרמי ליה כרבעי. טום ולא תשפיץ שפיץ ולא תבני שמל העוסק בבנין מתמסכן קפוץ זבין א־עא טהון נסיב אתתא נחות דרגא ונסיב אתתא סק דרגא ובחר שושבינא:

יב א"ר אלעזר בן אבינאי אין פורענות בו לעולם אלא בשביל ישראל שנאמר (צפניה ג) הכרתי גוים נשמו פנותם החרבתי חוצותם וכתיב (שם) אמרתי אך תיראי אותי תקחי מוסר. רב הוה מיפטר מר' חייא א"ל רחמנא ליצלך ממידי דקשי ממותא. ומי איכא מידי דקשי ממותא נפק דק ואשכח (קהלת ז) ומוצא אני מר ממות את האשה. רב הוה קא מצערא ליה דביתהו כי אמר לה עבידי לי טלופחי עבדה ליה חימצי חימצי עבדה ליה טלופחי כי גדל חייא בריה אפיך

זבין ולא תידול. מכור כלי תשמישך והשתמש בדמיה בפרקמטיא קודם שתבא לידי עניות: ביסתרקי. כלי הבית טאפי"ט בלע"ז: אבל גלימא. שהיא עשויה להתכבד בלבישתה לא ימכור דלמא כי הדדי בעי לה לא מתרמי ליה הגונה כמותה: טום. הרגוב של סהוב כמו שתמום פלשתים טומינון פלשתאי: טום ולא תשפיץ. אם יש לך חור קטן בכותל רעוע סתום אותו מיד ולא תרחיב הנקב לשפן בו טיט ולעשות סרכה ליפותו: שפיץ פלסטי"ר בלע"ז ואם בעל נפש אתה להנאות במקך הרחב הנקב ושפנהו להיות יפה: ולא תבני. לא תפיל את הכותל ותבנהו: מתון נסיב אתתא. המתן עד שתבדוק מעשיה שלא תהא רעה וקנטרנית: נחות דרגא ונסיב אתתא. שלא תקח אשה החשובה ממך שמא לא תתקבל עליה: שושבינא. אוהב טוב בחר לך אדם חשוב לדבק אחריו:

בשביל ישראל. ליראם כדי שיחזרו בתשובה: חימצי. מין קטניות: אפיך לה. היה אומר האי לבנו תאמר לאמך לעשות עדשים והוא אומר ס עשה חימצי

תְּבוּאָה וָואס מֶען הָאט פוּן אַאיינֶענֶע פֶעלְד אִיז אִין דֶעם דָא אַבְּרָכָה. אוּנ דָאס וָואס מֶען קוֹיפְט אִין נָאס אִיז נִיטָא קֵיין בְּרָכָה. אַמֶענְטְש זָאל פַאר קוֹפֶען אַלִין וָואס עֶר הָאט אוּנ זָאל מַאכֶען אַהַאנְדִיל. אוּנ דָאס זָאל עֶר טָאן נָאךְ אֵיידֶער עֶר וֶוערְט אָרֶעם. אָבֶּער נָאר וֶוערְטְשַׁאפְט זָאל עֶר פַאר קוֹיפֶען: נָאר נִיט קְלֵיידֶער. וָוארוּם קְלֵיידֶער גִיבֶּען כָּבוֹד צוּם מֶענְטְשֶׁין. אוּנ אַז עֶר וֶועט וֶועלִין צוּרִיק אָפּ קוֹיפֶען קְלֵיידֶער. טָאמֶער וֶועט עֶר נִיט בֶּעקוּמֶען צוּא קוֹיפֶען אַזֶעלְכֶע קְלֵיידֶער וִויא אִים פַּאסְט: אַז דוּא וֶועסְט אַלְאךְ אִין דִיא וַואנְט פוּן שְׁטוּבּ זָאלְסְטוּ דִיא לָאךְ בַּאלְד בֶּעקְלֶעבִּין מִיט לֵיים אוּנ וַואפֶּנֶע. אוּנ דוּא זָאלְסְט נִיט אוֹיס הַאקֶען דִי לָאךְ בְּרֵייטֶער אַרַיין צוּא [illegible] אִיר צִיגֶעל אוּנ וַואפֶּנֶע צוּא פַאר שֶׁענֶערִין. אוּנ אוֹיבּ דוּא וִוילְסְט דִיא וַואנְט זָאל זַיין שֵׁיין. בֶּענֶגְסְטוּ דִיא לָאךְ פַאר גְרֶעסֶערִין אוּנ אַרַיין זֶעצִין צִיגְל מִיט וַואפֶּנֶע. נָאר זָאלְסְט נִיט אַיין וַוארְפֶען דִיא וַואנְט אוּנ אוֹיף בָּאהֶען אַנַייעֶ. וָוארוּם דֶער וָואס בַּשֶׁעפְטִיגְט זִיךְ מִיט קִייטֶער בָּאהֶען וֶועט עֶר אָרֶעם וֶוערִין. אַפֶעלְד מֶעגְסְטוּ קוֹיפֶען אִין דִיא גֶעשְׁווינְדִיגְקֵייט. נָאר אַוַויבּ נֶעמֶען זָאלְסְטוּ דִיךְ גוּט אַרוּמְזֶעהֶן וֶועמֶען דוּא נֶעמְסְט זִיא זָאל נִיט זַיין קֵיין שְׁלֶעכְטֶע קֵיין קְרִיגֶערִין. זָאלְסְט אַרָאפּ נִידֶערִין אַבִּיסוּל פוּן דַיין יִחוּס אוּנ נֶעמֶען אַוַויבּ. אוּנ דוּא זָאלְסְט נִיט נֶעמֶען אַוַויבּ וָואס אִיז אַגְרֶעסֶערֶע יַחְסָנְטֶע וִויא דוּא בִּיסְט. זִיא זָאל זִיךְ נִיט גְרוֹיס הַאלְטֶען גֶעגִין דִיר. אוּנ אַגוּטֶען פְרַיינְד זָאלְסְטוּ גֶעמִין אַזֶעלְכִין וָואס עֶר אִיז אַגְרֶעסֶערֶער יַחְסָן וִויא דוּא. דוּא זָאלְסְט דִיךְ אָפּ לֶערְנֶען פוּן אִים גוּטְס צוּא טָאן:

יב אָמַר. רַבִּי אֶלְעָזָר בֶּן אַבִינַאי הָאט גֶזָאגְט אַלֶע צָרוֹת קוּמְט אוֹיף דֶער וֶועלְט נָאר פוּן יוּדִינְס וֶועגִין: צוּא מַאכֶען אוֹיף זֵייא אַמוֹרָא זֵייא זָאלִין תְּשׁוּבָה טָאהן. אַזוֹי וִויא עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק אִיךְ הָאבּ פַאר שְׁנִיטֶען דִיא פֶעלְקֶער עֶס אִיז פַאר וִויסְט גֶיוָוארִין זֵייעֶרֶע וִוינְקְלִין (זֵייעֶרֶע גְרֶענֶעצִין) אִיךְ הָאבּ וִויסְט גִימַאכְט זֵייעֶרֶע גַאסֶען: אִיךְ הָאבּ גִימֵיינְט אִיר זָאלְט אַייךְ דֶער שְׁרֶעקִין וֶועט אִיר פַאר מִיר מוֹרָא הָאבֶּען. אוּנ אִיר וֶועט אַייךְ גֶעמֶען אַמוּסָר אִיר זָאלְט פְרִימֶער וֶוערִין. וֶוען רַב אִיז אַוֶועק גִיגַאנְגֶען פוּן רַבִּי חִיָּיא. הָאט עֶר גֶזָאגְט צוּא אִים גָאט זָאל דִיךְ הִיטֶען פוּן דִיא זַאךְ וָואס אִיז עֶרְגֶער וִויא דֶער טוֹיט. הָאט רַבִּי חִיָּיא גִיקְלֶערְט אִיז דֶען דָא אַזַאךְ וָואס אִיז עֶרְגֶער וִויא דֶער טוֹיט. הָאט רַבִּי חִיָּיא גִיפוּנֶען אַפָּסוּק שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ הָאט גֶזָאגְט אִיךְ גֶעפִין אַז אַשְׁלֶעכְטֶע וַוייבּ אִיז בִּיטֶער וִויא דֶער טוֹיט. רַב פְּלֶעגְט הָאבֶּען צָרוֹת פוּן זַיין וַוייבּ. אַז עֶר פְלֶעגְט זָאגִין צוּא אִיר זִיא זָאל קָאכֶען לִינְדְזֶען: פְלֶעגְט זִיא קָאכֶען אַרְבֶּעס פְלֶעגְט עֶר זָאגִין זִיא זָאל קָאכֶען אַרְבֶּעס. פְלֶעגְט זִיא קָאכֶען לִינְדְזֶען. אַז זַיין זוּהְן

אפיך לה א"ל איעליא אמך א"ל אנא הוא דקא אפיכנא לה א"ל היינו דקאמרי אינשי דנפיק מינך טעמא מלפך מיהו את לא תעביד הכי שנאמר (ירמיה ט) למדו לשונם דבר שקר העוה נלאו ר' חייא הוה קא מצערא ליה דביתהו כי הוה משכח מידי צייר ליה בסודריה ומייתי לה א"ל רב והא קא מצערא ליה למר א"ל דיינו שמגדלות בנינו ומצילות אותנו (ע"ב) מן החטא . מקרי ליה רב יהודה לרב יצחק בריה ומוצא אני מר ממות את האשה א"ל כגון מאן א"ל כגון אמך איני והא מתנה לה רב יהודה לרב יצחק בריה אין אדם מוצא קורת רוח אלא מאשתו ראשונה שנאמר (משלי ה) יהי מקורך ברוך ושמח באשת נעוריך וא"ל כגון מאן כגון אמך מתקיף תקיפה ועבורי מיעברא במלה ה"ד אשה רעה אמר אביי מקשטא ליה תכא ומקשטא ליה פומא . רבא אמר מקשטא ליה תכא ומהדרה ליה גבה :

אמר

היינו והיא עושה עדשים : טעמא מלפך . פעמים שהבן מהכים את אביו אני היה לי לעשות כן : את לא תעביד הכי . דבר שקר הוא וכתיב למדו לשונם דבר שקר : כי הוה משכח מידי . דבר הראוי לה : מן החטא . הרהור עבירה : ועבורי מיעברא במלה . נוחה לרצות ומעברת על מדותיה : פומא . לקלל ולגדף עד זמן סעודה כדי לצערו : מהדרה ליה גבה : שלא יאכל עמו ומצערו :

מתפקדן

חייא איז אויף גיוואקסען . פלעגט ער זאגין פאר קערט למשל אז רב האט גיוואלט ארבעס האט ער גזאגט צוא זיין זוהן גייא זאג דיין מוטער זיא זאל קאכען ארבעס . האט חייא גזאגט צוא דיא מוטער דער פאטער וויל דוא זאלסט קאכען לינדזען . פלעגט זיא קאכען ארבעס . ווייא רב האט גיזעהן אז מען האט אים גיגעבין ארבעס אזוי וויא ער האט גיוואלט . האט ער גזאגט צום זוהן דיין מוטער איז שוין בעסער גיווארין . האט דער זוהן גזאגט איך האב איר גזאגט פאר קערט . האט רב גזאגט דאס איז וואס מענטשין זאגין דער וואס וועט גיבארין ווערין פון דיר וועט דיך לערנען אעצה . איך בין ניט אזוי קלוג גיוועזן צוא זאגין איר פאר קערט . נאר פון דעסטוועגין זאלסטו אויך ניט אזוי טאהן . ווארום דאס איז דאך אליגען . אונ עס שטייט אין פסוק זייא לערנען זייער צונג צוא ריידען פאלשקייט זייא ווערין מיד צו פאר קרימען דעם אמת אויף פאלש . רבי חייא האט אויך גיהאט צרות פון זיין ווייב . פון דעסטוועגין אז ער פלעגט עפעס געפינען אזוי אזאך וואס איז גוט פאר איר : פלעגט ער דאס איין בינדין אין זיין מאנטיל אונ פלעגט איר ברייננען . האט רב גזאגט צו רבי חייא דו האסט דאך צרות פון איר צוא וואס ברייננסטו איר דיא זאך . האט רבי חייא גזאגט צוא רב גינוג פאר אונז וואס זייא אדערווען אונזערע קינדער אונ בעהיטען אונז פון עבירה . רב יהודה האט גילערנט מיט זיין זוהן רב יצחק דעם פסוק איך געפין אז אשלעכטע ווייב איז ביטערער וויא דער טויט . האט רב יצחק גזאגט צום פאטער וועלכע אשה איז אזוי שלעכט . האט רב יהודה גזאגט אזוי וויא דיין מוטער . פרעגט דיא גמרא עס איז דאך ניט אזוי . רב יהודה האט דאך גילערנט מיט זיין זוהן רב יצחק אז אמענטש געפינט גיט קיין פערגעניגען נאר פון דיין ערשטע ווייב . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דיין קוואל וועט זיין גיבענשט אונ וועסט דיך פרייען מיט דיין ווייב וואס דוא האסט גינומען אין דיין יוגענד . האט רב יצחק גזאגט צום פאטער וועלכע אשה איז אזוי גוט . האט רב יהודה גזאגט אזוי וויא דיין מוטער . ענטפערט דיא גמרא וויא איז גיוועזן אשלעכטע אבייזע נאר מען האט איר גיקענט געשווינט גוט מאכען . וואס הייסט אשלעכטע ווייב . האט אביי גזאגט זיא צירט אויס דעם טיש אונ צירט אויס דאס מויל . זיא שטעלט פאר אים עסין אויף דעם טיש . אונ וועגט זיך געבין אים אונ שילט אים אונ וידולט אים אונ רעט אים שלעכטע רייד . עס זאל אים ניט בעקומען דיין עסין רבא זאגט דאס הייסט אויך אשלעכטע ווייב זיא שטעלט פאר אים עסין אויף דעם טיש אונ זיא קערט זיך אויס מיט דיא פלייצעס צוא אים אונ וויל ניט עסין מיט אים . עס זאל אים ניט בעקומען דאס עסין :

יג אמר ר' חמא בר חנינא כיון שנשא אדם אשה עונותיו מתפקקין שנאמר (משלי יח) מצא אשה מצא טוב ויפק רצון מה' . במערבא כי נסיב איניש אתתא אמרי ליה הכי מצא או מוצא . מצא דכתיב מצא אשה מצא טוב. מוצא דכתיב (קהלת ז) ומוצא אני מר ממות את האשה. אמר רבא אשה רעה מצוה לגרשה דכתיב (משלי כב) גרש לץ ויצא מדון וישבות דין וקלון ואמר רבא אשה רעה וכתובתה מרובה צרתה בצדה דאמרי אינשי בחברתה ול"א בסילתא ואמר רבא קשה אשה רעה כיום סגריר שנאמר (שם כז) דלף טורד ביום סגריר ואשת מדנים נשתוה. ואמר רבא בא וראה כמה טובה אשה טובה וכמה רעה אשה רעה כמה טובה אשה טובה דכתיב מצא אשה מצא טוב אי בגוה משתעי קרא כמה טובה אשה טובה שהכתוב משבחה אי בתורה משתעי קרא כמה טובה אשה טובה שהתורה נמשלה בה כמה רעה אשה רעה דכתיב ומוצא אני מר ממות את האשה אי בגוה משתעי קרא כמה רעה אשה רעה שהכתוב מגנה אי בגיהנם משתעי קרא כמה רעה אשה רעה שגיהנם נמשלה בה . (ירמיה ה) הנני מביא רעה אשר לא יוכלו לצאת ממנה אמר רב נחמן אמר רבה בר אבוה

מתפקקין. נסתמין לשון ויפק כמו פיקוק הנקבין שהם בגדם. יבא אחרת תחתיה: בחברתה. מפקנא הוכחה יותר: בסילתא. קוץ: סגריר. יום מטר ורוח: דלף טורד וגו'. ואשת מדנים נשתוה

יג אמר. רבי חמא בר חנינא האט געזאגט אז אמענטש נעמט אווייב ווערן פאר מאכט זיינע עבירות. גאט קוקט ניט אויף זיינע עבירות. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק אז ער האט געפונען אווייב האט ער געפונען גוטס אונ ער וועט אויס ציהען זיין ווילען פון גאט. גאט וועט איהם טאהן זיין ווילען אין ארץ ישראל אז איינער האט גענומען אווייב. פרעגט מען איהם מצא אדער מוצא. מצא מיינט מען אזוי ווי עס שטייט אין פסוק מצא אשה מצא טוב. אז ער האט געפונען אווייב האט ער געפונען גוטס. אויב די איז אגוטע ווייב. מוצא מיינט מען אזוי ווי עס שטייט אין פסוק מוצא אני מר ממות את האשה. איך געפין אז אווייב איז ביטערער ווי דער טויט. אויב זי איז אשלעכטע ווייב. רבא זאגט אז איינער האט אשלעכטע ווייב איז אמצוה ער זאל איהר גטין. ווי עס שטייט אין פסוק טרייב ארויס דעם שלעכטן וועט ארויס גיין די קריג אונ עס וועט געשטערט ווערן סכסוך אונ שאנד. נאך האט רבא געזאגט אז איינער האט אשלעכטע ווייב אונ ער קען איהר ניט גטין ווייל זי האט אגרויסע כתובה. זאל ער נעמען צו איהר נאך אווייב. ווארום מענטשן זאגען עס זאל שלאגן די שלעכטע ווייב מיט דעם וואס ער וועט נעמען נאך אווייב. אונ ער זאל איהר ניט שלאגן מיט אשטעקן. זי וועט דורך די אנדערע ווייב בעסער ווערן נאך מער ווי זי וואלט בעסער געווארן דורך שלאגן. נאך האט רבא געזאגט אשלעכטע ווייב איז אזוי שלעכט ווי אטאג וואס רעגנט מיט אשטורעם ווינט אזוי ווי עס שטייט אין פסוק אז עס רעגנט מיט אשטורעם ווינט וואס עס איז שלעכט צו גיין אין גאס מען דארף זיין איין געשלאסן אנגעבען טאג אין שטוב אונ אז מען האט אשלעכטע ווייב די ביידע זאכין זענען גלייך שלעכט. אז עס רעגנט קען מען ניט זיין אין גאס. אונ אז מען האט אשלעכטע ווייב קען מען ניט זיין אין שטוב. נאך האט רבא געזאגט קום זעה ווי גוט איז אגוטע ווייב אונ ווי שלעכט איז אשלעכטע ווייב. ווייא גוט איז אגוטע ווייב ווארום עס שטייט אין פסוק אז ער האט געפונען אווייב האט ער געפונען גוטס. אויב דער פסוק שמועסט טאקי פון אווייב. ווי גוט איז אגוטע ווייב אז דער פסוק לויבט איהר. אויב דער פסוק שמועסט פון די תורה. ווי גוט איז אגוטע ווייב אז מען גלייכט די תורה צו אגוטע ווייב. ווי שלעכט איז אשלעכטע ווייב ווארום עס שטייט אין פסוק איך געפין אז אשלעכטע ווייב איז ביטערער ווי דער טויט. אויב דער פסוק שמועסט טאקי פון אווייב. ווייא שלעכט איז אשלעכטע ווייב אז דער פסוק שעלט איהר. אויב דער פסוק שמועסט פון גיהנם. ווי שלעכט איז אשלעכטע ווייב אז מען גלייכט דעם גיהנם צו אשלעכטע ווייב. אין פסוק שטייט איך וועל ברענגען אשלעכטס וואס זיי וועלין ניט קענען ארויס גיין פון איהר. האט רב נחמן געזאגט

אבוה זו אשת רעה וכתובתה מרובה . (איכה א) נתנני ה' בידי לא אוכל קום אמר רב חסדא אמר מר עוקבא [בר חייא] זו אשה רעה וכתובתה מרובה במערבא אמרי זו שמזונותיו תלויין בכספו :

יד (דברים כח) בניך ובנותיך נתונים לעם אחר אמר רב חנן בר רבא אמר רב זו אשת האב (שם לב) בגוי נבל אכעיסם אמר רב חנן בר רבא זו אשה רעה וכתובתה מרובה ר' אליעזר אומר אלו הצדוקין וכה"א (תהלים יד) אמר נבל בלבו אין אלהים במתניתא תנא אלו אנשי ברבריאה ואנשי מסטנאי שמהלכין ערומין בשוק שאין לך משוקץ ומתועב לפני המקום יותר ממי שמהלך בשוק ערום ר' יוחנן אומר אלו חברייא אמרו ליה לר' יוחנן אתי חברי לבבל שגא נפל אמרי ליה מקבלי שוחדא תריץ יתיב. גזרו על ג' מפני ג' גזרו על הבשר מפני המתנות גזרו על המרחצאות מפני הטבילה. קא מהטטי שבבי מפני ששמחים ביום.

שין שם : תלוין בכיסו . שאין לו זריעה בקרקע דכל שעה מיצר ודואג שמא תתייקר התבואה : יד ינטלו שערי שבר : אין אלהים . מי שאומר אין אלהים קרי נבל : חברייא . פרסיים רשעים ומבוזין יותר מבזין כבודן של ישראל : שגא . כפף : ונפל . מרוב צער שהיו בני הישיבה מסורין בידם : אמרי ליה מקבלי שוחדא . לבטל גזירתא : תריץ יתיב ושפח : אמרו ליה על ג' גזרו . אמר להם מפני ג' עבירות שהיו ביד בני בבל : גזרו על הבשר . שלא יאכלו בשר שחוטה אמר להם מפני עבירה שבידם שהיו גוזלים מתנות כהונה [זרוע ולחיים וקיבה : ועל המרחצאות מפני הטבילה . שלא היו זהירין בה] : מהטטי שבבי . מוציאין המתים מקבריהם שמשמחים ביום אידם . בעבור שהיו ישראל שמחים ביום אידם שמשחקין עמהם בא עליהם זאת הגזרה

פון רבה בר אבהו'ס וועגן דאס מיינט מען א שלעכטע ווייב וואס האט א גרויסע כתובה . וואס ער קען איהר ניט געבן : אין פסוק שטייט גאט האט מיך געגעבן אין אזעלכע הענט וואס איך קען ניט אויף שטיין האט רב חסדא געזאגט פון מר עוקבא'ס וועגן דאס מיינט מען א שלעכטע ווייב וואס האט א גרויסע כתובה . אין ארץ ישראל זאגט מען דאס מיינט מען דעם מענטש וואס האט ניט קיין תבואה פון זיינע פעלדער . ער דארף אלץ קויפן אין גאס פאר געלט . דער מענטש וארט שטענדיג . טאמער וועט טייער ווערין . טאמער וועט ער ניט בעקומען צו קויפן . און טאמער וועט ער ניט האבין קיין געלט ווען ער וועט דארפין קויפין :

יד בניך . דיינע זיהן און דיינע טעכטער וועלין געגעבין ווערין צו איין אנדער פאלק . רב חנן בר רבא האט געזאגט פון רבס וועגן דאס מיינט מען זייער מוטער וועט שטארבין און די קינדער וועלין דארפין קומען צו א שטיפמוטער . אין פסוק שטייט איך וועל זיי דער צערינן מיט א שלעכטע פאלק . האט רב חנן בר רבא געזאגט דאס מיינט מען א שלעכטע ווייב וואס האט א גרויסע כתובה . רבי אליעזר זאגט דאס מיינט מען אפיקורסים . די אפיקורסים ווערין גירופין נבל . אזוי ווי עס שטייט אין פסוק דער נבל זאגט אין הארצין עס איז ניטא קיין גאט . דער וואס זאגט עס איז ניטא קיין גאט ווערט ער גירופין נבל : די אפיקורסים וועלין דער צערינן די יודין . אין א ברייתא האבין מיר גילערינט ג' נבל . די פאר מיאוסטע פאלק דאס מיינט מען די מענטשין פון ברבריא און די מענטשין פון מסטנאי וואס זיי גייען נאקעט אין גאס : ווארום עס איז ניטא קיין זאך וואס עס זאל זיין אזוי מיאוס פאר גאט ווי דער וואס גייט נאקיט אין גאס . רבי יוחנן זאגט גוי נבל דיא פאר מיאוסטע פאלק דאס מיינט מען די פערסיאנער . ווייל זיי זענין גרויסע רשעים דריבער זענין זייא פאר מיאוסט ביי גאט . ווען מען האט געזאגט צו רבי יוחנן פרסיים זענין געקומען אין בבל : האט ער זיך איין געבויגען און איז געפאלען פאר שרעק . דער נאך האט מען געזאגט צוא רבי יוחנן זייא נעמען געלט און זענין מבטל דיא גזרות : האט ער זיך גלייך געזעצט . מען האט געזאגט צוא רבי יוחנן דיא פרסיים האבען גוזר געווען דרייא גזרות . האט רבי יוחנן געזאגט ווייל דיא יודין אין בבל האבען דרייא עבירות . דיא פרסיים האבען גוזר געווען מען זאל ניט עסין קיין געשאכטענע פלייש . האט רבי יוחנן געזאגט דאס איז פאר דיא עבירה וואס זייא האבען ניט געגעבין צום כהן דיא מתנות פון זייערע בהמות וואס זייא פלעגין שעכטין נור דיא מתנות זענין דיא פארערשטע פוס און דיא באקין און דעם מאגען . זייא האבען גוזר געווען עס זאל ניט זיין קיין באדער . האט רבי יוחנן געזאגט דאס איז ווייל דיא ווייבער זענין ניט געגאנגען טבילה . זייא

ביום אידם שנא' (ש"א יב) היתה יד ה' בכם ובאבותיכם ואמר רבה בר שמואל זו הטוטי שכבי דאמר מר בעון חיים מתים מתהטטין:

טו א"ל רבא לרבה בר מרי כתיב (ירמיה ח) לא יאספו ולא יקברו לדומן על פני האדמה יהיו וכתיב (שם) ונבחר מות מחיים א"ל נבחר מות לרשעים שלא יהיו בעולם הזה ויחטאו ויפלו בגיהנם. כתיב בספר בן סירא אשה טובה מתנה טובה לבעלה וכתיב אש: טובה בחיק ירא אלהים תנתן. אשה רעה צרעת לבעלה מאי תקנתיה יגרשנה ויתרפא מצרעתו. אשה יפה אשרי בעלה מספר ימיו כפלים. העלם עיניך מאשת חן פן תלכד במצודתה. אל תט אצל בעלה למסוך עמו יין ושכר כי בתואר אשה יפה רבים דושחתו ועצומים כל הרוגיה. רבים היו פצעי רוכל המרגילים לדבר עבירה כניצוץ מבעיר גחלת ככלוב מלא עוף כן בתיהם מלאים מרמה. אל תצר צרת מחר כי לא תדע מה ילד יום שמא מחר

יד ואבותיכם: בכם ובאבותיכם. ואבותם כבר מתו ומה מכה יש בהם [אלא] הטוטי שכבי: נבחר ונבחר מות מחיים. בהרים דהכא קרא דהואיל וחיים גרועים לקבורה סילק יבחרו אחיים למות: א"ל. הלי נבחר לא קאמר שיהיו בו מחרין מות מחיים אלא נביא הוא דקאמר להו מוטב להם לרשעים שימותו מגזה שיחטאו ויחיו: מספר ימיו כפלים. כלומר שמח בחלקו ודומה לו כאלו ימיו כפלים: נאחת חן. של אחרים: רוכל. כמוכר בשמים לנשים להתקשט בהם ומצוי בו ניאוף וכא בעלה ופוגעו: כניצוץ. אש המבעיר גחלת כן יגרו מבעירו: ככלוב. קן עופות: מחר מת ואיננו. בעולם ולא ירצה אותו דאגה שהוא מיצר ויצא ידואג עליה ונמצא שמצטער אתמול על עולם שאינו שלו:

האבען גוזר געוועז מען זאל אויס גראבען דיא טויטע פון זייערע קברים. האט רבי יוחנן גיזאגט דאס איז ווייל זייא פלעגין זיך פרייען צו זאמען מיט דיא גוים אין דיא גוישע ימים טובים דריבער האט מען זייא גימאכט אטרויעריקייט מיט דיא מתים אויס גראבען. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דיא האנט פון גאט וועט זיין אין אייך אונ אין אייערע עלטערין. דיא עלטערין זענין דאך שוין גישטארבען מיט וואס קען זייא גאט שטראפין. האט רבה בר שמואל גיזאגט דאס מיינט מען מען וועט זייא אויס גראבין פון דיא קברים. ווארום דער תנא האט גיזאגט דורך דיא זינד פון דיא לעבעדיגע גראבט מען אויס דיא טויטע:

טו אמר. רבא האט גיזאגט צוא רבה בר מרי עס שטייט אין פסוק דיא טויטע וועלין ניט איין גיזאמעלט ווערין אונ וועלין ניט בגראבין ווערין. זייא וועלין זיין אזוי וויא מיסט אויף דער ערד. אונ עס שטייט אין פסוק זייא וועלין בעסער וועלין שטארבין וויא לעבין. אז זייא וועלין ניט בגראבין ווערין פאר וואס זאלין דיא לעבעדיגע וועלין שטארבין. האט רבה גיזאגט מען מיינט ניט זייא וועלין בעסער וועלין שטארבין וויא לעבין. נאר דער נביא זאגט עס וואלט בעסער גיוועזן דיא רשעים זאלין שטארבען אונ זאלין ניט זיין אויף דער וועלט. איידער זייא זאלין לעבין אונ זינדיגען אונ פאלען אין גיהנם. עס שטייט אין ספר בן סירא אגוטע ווייב איז אגוטע מתנה צוא איר מאן. זיא ווערט גיגעבין אין דעם שוים פון דעם פרומען וואס האט מורא פאר גאט. אשלעכטע ווייב איז וויא קרעץ צוא איר מאן. וואס זאל ער טאהן. ער זאל איר געבין וועט ער גיהיילט ווערין פון דיא קרעץ: אשיינע ווייב וואול צוא איר מאן. דער צאהל פון זיינע טעג זענין טאפיל גלייך וויא ער וואלט גילעבט צוויא מאהל אזוי פיל יאהרין. זאלסט ניט קוקען אויף אשיינע ווייב אפרעמדע וואס דיא האט אמאן. טאמער וועסטו גיפאנגען ווערין אין איר נעץ. זאלסט ניט גיין צוא איר מאן צוא טרינקען מיט אים ווייץ. ווארום דורך אשיינע ווייב זענין שוין פיל מענשין פאר דארבין געווארין. אונ זיא האט שוין פיל שטארקע מענטשין גיהרגעט: דער קאראבעלניק וואס טראגט שמעקעדיגע בוימאייל אונ געווירץ אין דיא הייזער ווייבער זאלען דאס קויפען צום צירען זיך מיט דעם. דער וויל רעט ער זייא אן זייא זאלין מיט אים מזנה זיין. זיינע וואונדען זענין פיל. ווארום די מאנען טרעפין אים אונ שלאגין אים. אזוי וויא אפונק פייער ברענט אויף דעם קויל. אזוי וויא אנעסט איז פול מיט פייגעלאך. אזוי זענין זייערע הייזער פול מיט פאלשקייט. עס זאל דיר ניט באנק טאהן היינט דיא צרה וואס וועט קומען מארגין. ווארום דוא ווייסט ניט וואס היינט וועט גיבארין ווערין

מחר בא ואיננו נמצא מצטער על עולם שאינו שלו. מנע רבים מתוך ביתך ולא (רוכל) [הכל] תביא ביתך. רבים יהיו דורשי שלומך גלה סודך לאחד מאלף:

טז אמר ר' אסי אין בן דוד בא עד שיכלו כל הנשמות שבגוף שנאמר (ישעיה כז) כי רוח מלפני יעטוף ונשמות אני עשיתי. תניא ר' אליעזר אומר כל יהודי שאינו עוסק בפריה ורביה כאלו שופך דמים שנאמר (בראשית ט) שופך דם האדם באדם דמו ישפך וכתיב בתריה ואתם פרו ורבו. ר' (עקיבא) [יעקב] אומר כאלו ממעט את הדמות שנאמר (שם) כי בצלם אלהים עשה את האדם וסמיך ליה ואתם פרו ורבו. בן עזאי אומר כאלו שופך דמים וממעט את הדמות שנאמר ואתם פרו ורבו. אמרו לו לבן עזאי יש נאה דורש ונאה מקיים נאה מקיים ואין נאה דורש ואתה נאה דורש ואין נאה מקיים. אמר להם ומה אעשה שנפשי חשקה בתורה אפשר לעולם שיתקיים ע"י

גוף. פרגוד שחוצץ בין מחנה שכינה למלאכים ושם רוחות ונשמות נתונות שנבראו משעת ימי בראשית שעתידות להנתן בגופים שעתידים להבראות: שנאמר כי רוח מלפני יעטוף. הנשמות שאני עשיתי: יעטוף. לשון עכבה כדכתיב והיה העטופים ללבן וקישא דקרא משתעי בגלותא כי לא לעולם אריב: ואתם פרו ורבו. בתריה דקרא כתיב הלכך כמי שעשה שתיק אלא:

ווערין. טאמער וועט דער מארגין קומען אונ דוא וועסט שוין ניט זיין אויף דער וועלט, האסטו דאך נעכטין גיהאט צער אומזיסט דוא האסט גיזארגט אויף אפרעמדע וועלט וואס ניט דייגע איז. פאר מייד פיל מענטשין פון דיין שטוב. ניט אלע מענטשין זאלסטו אריין ברייגגען אין דיין שטוב. פיל מענטשין זאלין זארגין פאר דיין פרידען. אונ דיינע סודות זאלסטו ניט זאגין אפילו צוא איינעם פון טויזענד:

טז אמר. רבי אסי האט גיזאגט משיח וועט אנדערש ניט קומען ביז עס וועט ארויס גינומען ווערין אלע נשמות פון דעם אוצר וואס הייסט גוף. ווארום עס שטייט אין פסוק גאט זאגט עס וועט די אגוטער ווילען פון מיר צוא ברייגגען משיח אז עס וועלין גיבארין ווערין אלע נשמות וואס איך האב בשאפען ניט פריער. מיר האבען גילערינט רבי אליעזר זאגט דער ייד וואס זעהט ניט ער זאל האבען קינדער. איז גלייך וויא ער וואלט גיהרגת מענטשין. ווארום עס שטייט אין פסוק דער וואס פאר גיסט די בלוט פון אמענטשין. וועט זיין בלוט פאר גאסין ווערין דורך מענטשין. זאל אים בית דין הרגנן. אויב עס איז דא עדות. אונ אז עדות איז ניטא. וועט אים גאט שטראפין. באלד נאך דעם פסוק שטייט איר זאלט אייך פרוכטבארין אונ מערין: איר זאלט האבען קינדער. צוא ווייזין אז דער מענטש וואס בשעפטיגט זיך ניט צוא האבען קינדער. איז גלייך וויא ער וואלט מענטשין גיהרגת. רבי יעקב זאגט עס איז גלייך וויא ער וואלט וויניגער גימאכט דעם גישטאלט פון גאט. ווארום עס שטייט אין פסוק אין דעם גישטאלט פון גאט האט גאט בשאפען דעם מענטש. באלד נאך דעם פסוק שטייט איר זאלט אייך פרוכטבארין אונ מערין. איר זאלט האבען קינדער. צוא ווייזין אז דער מענטש וואס בשעפטיגט זיך ניט צוא האבען קינדער. מאכט ער דאך וויניגער דעם גישטאלט פון גאט אויף דער וועלט. בן עזאי זאגט דער מענטש וואס בשעפטיגט זיך ניט צוא האבין קינדער איז גלייך וויא ער וואלט גיהרגת מענטשין. אונ וויא ער וואלט וויניגער גימאכט דעם גישטאלט פון גאט. ווארום אין פסוק שטייט דער וואס פאר גיסט די בלוט פון אמענטשין וועט זיין בלוט פאר גאסין ווערין. נאך שטייט אין דעם גישטאלט פון גאט האט גאט בשאפען דעם מענטש. באלד נאך דעם פסוק שטייט איר זאלט אייך פרוכטבארין אונ מערין. איר זאלט האבין קינדער. צוא ווייזין אז דער מענטש וואס בשעפטיגט זיך ניט צו האבין קינדער. איז גלייך וויא ער וואלט מענטשין גיהרגת. אונ ער מאכט וויניגער דעם גישטאלט פון גאט אויף דער וועלט. מען האט גיזאגט צוא בן עזאי עס איז דא איינער וואס דרשת שיין אונ איז שיין מקיים אזוי וויא ער דרשת. איינער איז שיין מקיים אונ דרשת ניט שיין: אונ' דוא דרשת שיין אונ ביזט ניט שיין מקיים

מקץ י' שנים. כא על הגר והא דלא נסיב לה ככך כמי קמאי עד שלא בא לארץ כנען שהיה שנים מרובות. בפסוק ארם ללמדך שאין ישיבת ח"ל עולה לו דילמא משום עון ח"ל הם עקורים: לפיכך. הואיל וקתני שאין ישיבת ח"ל מן המנין דתלינן בכל דבר כמוכנע מן הכריון תלה זאת או תלתס

ע"י אחרים. תניא אידך ר' אליעזר אומר כל מי שאינו עוסק בפריה ורביה כאלו שופך דמים שנאמר שופך דם האדם וסמיך ליה ואתם פרו ורבו. ר' אלעזר בן עזריה אומר כאלו ממעט הדמות בן עזאי אומר וכו' א"ל לבן עזאי יש נאה דורש וכו'. ת"ר (במדבר י) ובנחה יאמר שובה ה' רבבות אלפי ישראל (דף סד) מלמד שאין השכינה שורה על פחות משני אלפים ושני רבבות מישראל הרי שהיו ישראל שני אלפים ושני רבבות חסר אחד וזה לא עסק בפריה ורביה לא נמצא זה גורם לשכינה שתסתלק מישראל. אבא חנן אמר משום רבי אליעזר חייב מיתה שנאמר (שם ג) ובנים לא היו להם הא אם היו להם בנים לא מתו. אחרים אומרים גורם לשכינה שתסתלק מישראל שנאמר (בראשית יז) להיות לך לאלהים ולזרעך אחריך בזמן שזרעך אחריך שכינה שורה אין זרעך אחריך על מי שורה על העצים ועל האבנים:

יז ת"ר נשא אשה ושהה עמה עשר שנים ולא ילדה יוציא ויתן כתובה שמא לא זכה להבנות ממנה אע"פ שאין ראיה לדבר זכר לדבר (בראשית טז) מקץ עשר שנים לשבת אברם בארץ כנען ללמדך שאין ישיבת ח"ל עולה לו מן המנין לפיכך חלה הוא או שחלתה

פאר וואס געמטו ניט קיין ווייב דוא זאלסט האבן קינדער. האט בן עזאי געזאגט וואס זאל איך טאן אז איך גלוסט צוא לערנען תורה. אונ אז איך וועל געמען אווייב וועל איך ניט קענען אזוי פיל לערנען וויא איך לערין איצט. וועט דיא וועלט גימערט ווערין אן מיינע קינדער. תנו רבנן. דיא רבנן האבען גילערונט עס שטייט אין פסוק ווען דער ארון האט גירוהט האט משה רבינו גזאגט נאט קער צוריק דיא צווייא מאהל צעהן טויזענד אונ דיא צווייא טויזענד יודין. דער פסוק לערונט אונז אז דיא שכינה רוהט ניט אויף דיא יודין אויב זיי זענין ווייניגער וויא צווייא אונ צוואנציג טויזענד; אויב דיא יודין זענין גיוועז צווייא אונ צוואנציג טויזענד ווייניגער איינער. אונ איין מענטש האט זיך ניט בעשעפטיגט ער זאל האבען קינדער. האט דאך דער מענטש גיבראכט דער צוא אז דיא שכינה זאל ניט רוהען אויף דיא יודין. אבא חנן זאגט פון רבי אליעזרס וועגין דער מענטש וואס בעשעפטיגט זיך ניט ער זאל האבען קינדער. קומט אים מיתה. ווארום עס שטייט אין פסוק ביוא נדב ואביהוא זיי האבען גישט גיהאט קיין קינדער דריבער זענין זיי גישטארבען. אבער אז זייא וואלטין גיהאט קינדער וואלטין זייא ניט גישטארבען. אנדערע זאגין דער מענטש וואס בעשעפטיגט זיך ניט ער זאל האבען קינדער ברייגגט ער דער צוא אז דיא שכינה זאל אפ גיטאהן ווערין פון דיא יודין: ווארום עס שטייט אין פסוק צוא זיין צוא דיר אגאט אונ צוא דיינע קינדער נאך דיר. אז עס איז דא קינדער נאך דיר רוהט אויף זייא דיא שכינה. אבער אז עס איז ניטא קיין קינדער נאך דיר. אויף וועמען וועט רוהען דיא שכינה אויף האלץ אדער אויף שטיינער:

יז תנו רבנן. דיא רבנן האבען גילערונט אז איינער האט גינומען אווייב אונ ער האט גיוואוהנט מיט איר צעהן יאהר אונ זיא האט ניט גיהאט קיין קינד. זאל ער זיא גטין אונ זאל איר געבין דיא כתובה: טאמער איז ער ניט זוכה צוא האבען קינדער פון איר. אפילו עס איז ניטא קיין בעווייזונג צוא דעם דין. פון דעסטוועגין עפעס אצייכען איז דא אז דער דין בארף אזוי זיין. ווארום עס שטייט אין פסוק צום סוף צעהן יאהר וויא אברהם איז גיזעסין אין ארץ כנען. אונ שרה האט נאך ניט גיהאט קיין קינדער. האט אברהם גינומען דיין דינסט הגר. איז דאך אקשיא פאר וואס האט אברהם פריער ניט גינומען דיין דינכט הגר: אין חוץ לארץ האט דאך אברהם גיוואוהנט מיט שרה מער וויא צעהן יאהר אונ זיא האט ניט גיהאט קיין קינדער. נאר דיא צייט וואס זייא האבען גיוואוהנט אין חוץ לארץ רעכונט מען

שחלתה היא או שניהם הבושים בבית האסורים אין נו יס לו מן המנין א"ל רבא לר"נ ולילף מיצחק דכתיב (שם כר) ויהי יצחק בן ארבעים שנה בקחתו את רבקה וגו' וכתיב (שם) ויצחק בן ששים שנה בלדת אותם א"ל יצחק עקור היה אי הכי אברהם נמי עקור היה ההוא מיבעיא ליה לכדר' חייא בר אבא דא"ר חייא בר אבא א"ר יוחנן למה נמנו שנותיו של ישמעאל כדי ליחס בהן שנותיו של יעקב:

יח א"ר יצחק יצחק אבינו עקר היה שנא' (בראשית כה) ויעתר יצחק לה' לנכח אשתו על אשתו לא נאמר אלא לנכח מלמד ששניהם עקורים היו אי הכי

ויעתר

ה"ג וכו': ולילף מיצחק ששהה כ' שנים ולא נשא אחרת: עקור הוה. וידע שמתמה עמנו הוא ונקט נסבא לן דעקור הוה: אברהם נמי עקור הוה. כדאמרינן לקמן והיכי ילפת מיניה: ההוא מבעי' ליה וכו'. כלומר יצחק עקור הוה מ"ה לא נסיב אחריתי וקרא דיצחק בן ששים שנה לא יתירא הוא דהימא להכי כתביה רחמנא למיגמר מיניה ששהה כ' שנה דההוא מיבעיא ליה וכו' אבל מקץ י' שנים דאברהם אע"ג דעקור הוה ילפינן מיניה דהי לאו לדרשה למאי איכתבא קא שמעינן קרא מקץ י' שנים: ליחס בהן. לידע שנותיו של יעקב בן כמה שנים היה כשהלך לבית עבר וכשעמד על הבאר בשלהי גמ' דמגילה מפרש לה והאי קרא דיצחק בן ס' שנה מייתי לה התם דילפינן מיניה דגדול ת"ת מכיבוד אב ואם בכל אותם שנים שהיה יעקב בבית עבר לא נענש עליהם:

ויעתר להם מיבעיא ליה. בשלמא אי אמרת תפלה יצחק על אשתו היינו דכתיב ויעתר לו כמו שהיה מתפלל עליה ותהר רבקה אשתו אלא

נים. עס קען זיין דורך דיא עבירה וואס זיא האבען געוואוינט אין חוץ לארץ דריבער האבען זיא ניט געהאט קיין קינדער. דריבער אויב ער איז קראנק געוועזען אדער זיא איז קראנק געוועזען אדער זיא זענען ביידע געזעסין אין אסטראג. דיא יאהרין רעכנט מען ניט. האט רבא געזאגט צוא רב נחמן זאלען מיר אפ לערנען פון יצחק. עס שטייט אין פסוק יצחק איז אלט געוועזען פערציג יאהר ווען ער האט גענומען זיין ווייב רבקה. אונ זעכציג יאהר איז ער אלט געוועזען ווען יעקב אונ עשו זענין געבארין געווארין. האט דאך יצחק געווארט צוואנציג יאהר. האט רב נחמן געזאגט יצחק האט געוואוסט אז ער איז אעקר ער קען ניט האבען קיין קינדער. צוא וואס זאל ער נעמען איין אנדער ווייב. פרעגט דיא גמרא אברהם איז דאך אויך געוועזען אעקר. דריבער האט ער געווארט צעהן יאהר. אבער איין אנדערער דארף ניט ווארטען קיין צעהן יאהר. נאר מיר לערנען אפ פון אברהם ווייל דער פסוק איז איבעריג. צוא וואס דער ציילט אונז דער פסוק ווען אברהם האט גענומען זיין דינסט הגר. געוויס מיר זאלען אפ לערנען אויף אנדערע מענטשין זיא זאלין אויך ווארטען צעהן יאהר אונ ניט לייניגער. ווען מיר פרעגין צוא וואס דער ציילט אונז דער פסוק וויא פיל יצחק איז אלט געוועזען ווען ער האט גענומען רבקה. אונ וויא פיל ער איז אלט געוועזען ווען יעקב אונ עשו זענין געבארען געווארין. דאס האט געדויערט צוואנציג יאהר. זאלין מיר אפ לערנען אז מען דארף ווארטען צוואנציג יאהר. וועלין מיר אפ לערנען פון יצחק ניט פון אברהם. ענטפערט דיא גמרא דעם פסוק בדארפין מיר אויף איין אנדער זאך. אזוי וויא רבי חייא בר אבא האט געזאגט פון רבי יוחנן וועגין. צוא וואס דער ציילט דיא תורה וויא פיל יאהרין ישמעאל האט געלעבט. דורך דעם וועלין מיר וויסען צוא ברעכענען דיא יאהרין פון יעקב וויא פיל ער איז אלט געוועזען ווען ער איז געגאנגען צו לבן. מיזין מיר דאך וויסען דיא יאהרין פון יצחק אויך. וויא פיל ער איז אלט געוועזען ווען ער האט חתונה געהאט מיט רבקה. אונ וויא פיל ער איז אלט געוועזען ווען יעקב אונ עשו זענין געבארין געווארין ואזוי וויא עס שטייט אין סוף ערשטין פרק פון מגלה:

יח אמר: רבי יצחק האט געזאגט יצחק אבינו איז געוועזען אעקר. ווארום עס שטייט אין פסוק יצחק האט געבעטין צוא גאט געגין זיין ווייב. עס שטייט ניט ער האט געבעטין אויף זיין ווייב. נאר געגין זיין ווייב. נאז עס וואלט געשטאנען אויף זיין ווייב. וואלט מען מיינען יצחק האט געבעטין אויף זיין ווייב. ווייל זיא האט ניט געקענט האבען קינדער. אבער יצחק אויף זיך האט ניט געבעטין. ווייל יצחק האט געקענט האבען קינדער. אבער אז עס שטייט יצחק האט געבעטין געגין זיין ווייב. מיינט מען יצחק האט געבעטין אויף זיך. און רבקה האט געבעטין אויף זיך. ווייל יצחק האט אויך ניט געקענט האבען קינדער לערנט אונז דער פסוק

ויעתר לו ויעתר להם מיבעיא ליה לפי שאינו דומה תפלת צדיק בן צדיק לתפלת צדיק בן רשע. א"ר יצחק מפני מה היו אבותינו עקורים מפני שהקב"ה מתאוה לתפלתן של צדיקים. א"ר יצחק למה נמשלו תפלתן של צדיקים כעתר מה עתר זה שמהפך התבואה בגורן ממקום למקום כך תפלתן של צדיקים מהפכת מדותיו של הקב"ה ממדת רגזנות למדת רחמנות. א"ר אמי אברהם ושרה טומטומין היו שנאמר (ישעיה נא) הביטו אל צור (ע"ב) חצבתם ואל מקבת בור נקרתם וכתיב (שם) הביטו אל אברהם אביכם ואל שרה תחוללכם. אמר רב נחמן אמר רבה בר אבוה שרה אמנו אילונית היתה שנאמר (בראשית יא) ותהי שרי עקרה אין לה ולד אפילו בית ולד אין לה:

אי אמרה על עצמו היה מתפלל ולכך אמרו משמע שבשניהם היו עוסקים זה מול זה ויעתר להם מיבעיא לי׳: לפי שאינו דומה. תפלתו שהיה צדיק בן צדיק ותפלתה שהיתה צדקת בת רשע לפיכך תלה בו הכתוב: עתר. פאלא"ה בלע"ז: חצבתם. נעשה לו זכרות: נקרתם. נעשה לה נקבות כמו אני קרתי ושתיתי מים: אין לה ולד. קרא יתירא הוא דהא כתיב עקרה:

אימי ואבא כו׳. אמתניתין פריך דקתני מי שאין לו בנים וכו׳. ישא אשה אחרת שמא לא זכה להבנות

ימי בימי דוד איממעוטי שני דכתיב (תהלים צ) ימי שנותינו בהם שבעים שנה:

כ איני והא אמרו ליה רבנן לר׳ אבא בר זבדא נסיב אתתא ואוליד בני ואמר להו אי זכאי הוו לי מקמייתא התם דחויי קא מדחי להו לרבנן דר׳ אבא בר

אז ביידע האבען ניט גיקענט האבען קיין קינדער. פרעגט די גמרא אז ביידע האבען גיבעטין. פאר וואס שטייט אין פסוק גאט איז איבער גיבעטין געווארין צוא אים. האט דאך גידארפט שטיין גאט איז איבער גיבעטין געווארין צוא ביידע. ענטפערט די גמרא ווייל עס איז ניט גלייך דיא תפלה פון אצדיק וואס זיין פאטער איז אויך געוועזן אצדיק. צוא דיא תפלה פון אצדיק וואס זיין פאטער איז געוועזן ארשע. דריבער שטעלט דיא תורה מען האט גיענטפערט צו אים. אויף זיא ביידע: רבי יצחק האט גיזאגט פאר וואס זענין אונזערע עלטערין גיוועזן עקרים האבען ניט גיהאט קיין קינדער באלד אין אנהייבו. ווייל גאט האט גיגלוסט דיא צדיקים זאלין בעטין ביי אים אויף קינדער: רבי יצחק האט גיזאגט פאר וואס איז געגליכען דיא תפלה פון דיא צדיקים צוא אעתר וצוא אשופלע וואס מען שופלעוועט מיט איר תבואה. אזו וויא דער עתר קערט אום דיא תבואה אין שייער פון איין ארט צום אנדערין ארט. אזוי דיא תפלות פון דיא צדיקים קערין אום דיא מדות פון גאט פון כעס צוא רחמנות. רבי אמי האט גיזאגט אברהם אונ שרה זענין געוועזן טומטומין. זיא זענין געוועזן ניט קיין זכרים אונ ניט קיין נקבות. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק הביטו אל צור חצבתם: איר זאלט קוקען צוא דעם שטיין וואס איר זענט אויס גיהאקט געווארין פון אים; וואס ער איז געווארין אזכר. ואל מקבת בור נקרתם. אונ איר זאלט קוקען צוא דיא לאך פון דיא גרוב וואס איר זענט אויס גיגראבען געווארין פון איר. וואס זיא איז געווארין אנקבה: וועמען מיינט מען. זאגט דער פסוק איר זאלט קוקען צוא אייער פאטער אברהם אונ צוא אייער געווינערין שרה. רב נחמן האט גיזאגט פון רבה בר אבוהו ווענין אונזער מוטער שרה אז גיוועזן אאילונית. (וויא צוכר). אזוי וויא עס שטייט אין פסוק שרי איז געוועזן אעקרה זיא האט ניט גיהאט קיין קינד. אפילו אארט צו אקינד האט זיא אויך ניט גיהאט:

ימי בימי. אין דיא צייט פון דוד איז וועניגער געווארין דיא יאהרין פון מענשין. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דיא טעג פון אונזערע יאהרין זענין זיבעציג יאהר:

כ איני. דיא גמרא פרעגט עס איז דאך ניט אזוי וויא אין דער משנה שטייט ואז איינער האט ניט קיין קינדער פון זיין ערשטע ווייב. זאל ער נעמען איין אנדער ווייב: מאמער האט ער ניט חכה געוועזן צוא האבין קינדער פון די ערשטע ווייב. אונ פון דיא אנדערע ווייב וועט ער יא חכה זיין צוא האבין קינדער) ווארום דיא רבנן האבין גיזאגט צוא רבי אבא בר זבדא נעם אווייב אונ האב מיט איר קינדער. האט רבי אבא צוא זיא גיזאגט ווען איך

וואלט

[בר יבדא] איעקר מפרקיה דרב הונא רב גידל איעקר מפרקיד דרב הונא ר' חלבו איעקר מפרקיה דרב הונא רב ששת איעקר מפרקיה דרב הונא רב אחא בר יעקב אחזותיה סוסכינתא תליוה בארזא דבי רב ונפק סיניה כהוצא ירקא אמר רב אחא בר יעקב שתין סבי הוינא וכולהו איעקר מפרקיה דרב הונא לבר מאנא דקיימי בנפשאי (קהלת ז) החכמה תחיה את בעליה:

לסכנה ממנו ויזכה לבנות מן הנשים: סוסכינתא. חולי מעלר כשמן והדם נעקר ממנו: כהוצא ירקא. ירוק ככף תמר:

לגוכיה

כא (דף סה ע"ב) **מתני'** האיש מצווה על פריה ורביה אבל לא האשה ר' יוחנן בן ברוקא אומר על שניהם הוא אומר (בראשית א) ויברך אותם אלהים ויאמר להם אלהים פרו ורבו: **גמ'** מה"מ א"ר אלעאי משום ר' אלעזר בן שמעון אמר קרא (שם) ומלאו את הארץ וכבשוה איש דרכו לכבש ואין אשה דרכה לכבש אדרבה וכבשוה ב' משמע א"ר נחמן בר יצחק וכבשה כתיב. רב יוסף אמר מהכא (שם לה) אני אל שדי פרה ורבה ולא קאמר פרו ורבו:

וא"ר

וואלט זוכה געוועזן צוא האבין קינדער וואלט איך געהאט קינדער פון מיין ערשטע ווייב. זאגט די גמרא רבי אבא האט גאר אפ געשטויסין די רבנן: ער האט ניט געוואלט נעמען קיין ווייב ווייל ער איז געווארין אעקר פון רב הונא'ס ישיבה. ווען רב הונא האט געלערנט מיט די תלמידים. אונ אז זייא האבין געוואלט משתין זיין. פלעגין זייא אויף האלטין די השתנה. אונ פלעגין ניט ארויס גיין אין מיטען לערנען. אונ אז מען האלט אויף די השתנה. ווערט מען אעקר מען זאל ניט קענען קינדער האבין. רב גידל איז אויך געווארין אעקר פון רב הונא'ס ישיבה. רבי חלבו איז אויך געווארין אעקר פון רב הונא'ס ישיבה. רב ששת איז אויך געווארין אעקר פון רב הונא'ס ישיבה. רב אחא בר יעקב איז קראנק געווארין פון רב הונא'ס ישיבה ווייל ער האט אויף געהאלטין די השתנה. האט מען אים אויף געהאנגען אויף דעם בוים וואס איז געשטאנען נעבין בית המדרש. איז פון אים ארויס געגאנגען אזוי וויא אגרינע בלאט פון אלולב. איז ער געזונד געווארין: רב אחא בר יעקב האט געזאגט מיר זענען געוועזן זעכציג אלטע לייט אונ אלע זענען געווארין עקרים פון רב הונא'ס ישיבה. נאר איך ניט. ווייל איך האב מקיים געוועזן אויף זיך דעם פסוק די חכמה מאכט לעבעדיג איר בעל הבית וויא פריער שטייט:

כא מתניתין. האיש. אמאן איז געבאטין געווארין אויף קינדער האבין. אבער אווייב ניט. רבי יוחנן בן ברוקא זאגט אויף ביידע אויף דעם מאן אונ אויף די ווייב איז געזאגט געווארין דער פסוק גאט האט זייא געבענשט. אונ גאט האט געזאגט צוא זייא איר זאלט אייך פרוכטבארין אונ מערין. פרעגט די גמרא פון וואנען ווייסין מיר אז נאר דער מאן איז געבאטין געווארין קינדער צוא האבין אונ ניט די ווייב. האט רבי אלעאי געזאגט פון רבי אלעזר בן שמעון'ס וועגין עס שטייט אין פסוק ומלאו את הארץ וכבשוה: איר זאלט פול מאכין די וועלט אונ זאלט איר איין נעמען. דער שטייגער איז אמאן נעמט איין ואזכר גייט אין דער מלחמה. ועיין מהרש"א. דארף ער פול מאכין די וועלט מיט קינדער. אבער אאשה איז ניט דער שטייגער זיא זאל איין נעמען: איז זיא ניט געבאטין געווארין פול צוא מאכין די וועלט מיט קינדער. פרעגט די גמרא וכבשוה איז דאך דער טייטש איר זאלט איין נעמען. שמועסט מען דאך צוא צווייא מענטשין: צוא אדם אונ צוא חוה. אונ ביידע האט מען געבאטין זייא זאלין פול מאכין די וועלט מיט קינדער: האט רב נחמן בר יצחק געזאגט עס שטייט וכבשה. ער זאל איין נעמען. האט מען נאר גירעט צוא אדם: אונ ניט צוא חוה. אונ נאר אים האט מען געבאטין ער זאל קינדער האבין. ניט איר. רב יוסף זאגט פון דעם פסוק. גאט האט געזאגט צוא יעקב פרה ורבה' פרוכטבאר דיך אונ מער

כב וא"ר אלעאי משום ר' אלעזר בן (שמוע) [שמעון] כשם שמצוה על אדם לומר דבר הנשמע כך מצוה על אדם שלא לומר דבר שלא נשמע. ר' אבא אמר חובה שנאמר (משלי ט) אל תוכח לץ פן ישנאך הוכח לחכם ויאהבך וא"ר אלעי משום ר' אלעזר בן שמעון מותר לו לאדם לשנות בדבר השלום שנאמר (בראשית נ) אביך צוה וגו' כה תאמרו ליוסף אנא שא נא. ר' נתן אומר מצוה שנאמר (ש"א טז) ויאמר שמואל איך אלך ושמע שאול והרגני וגו' דבי ר"י תנא גדול השלום שאף הקב"ה שינה בו דמעיקרא כתיב (בראשית יח) ואדוני זקן ולבסוף ואני זקנתי:

שלא נשמע. דכתיב הוכח תוכיח שמצוה להוכיח מי שמקבל ממנו: אביך צוה. ויעקב לא צוה כן שינו מפני דרכי שלום: איך אלך. וכתיב ויאמר ה' עגלת בקר תקח בידך ואמרת לזבוח וגו' הקב"ה שינה לבנות: ואדוני זקן. שרה אמרה לשון גנאי וכשגלה הקב"ה הדבר לאברהם [שינה] למה זה צחקה שרה וגו' ואני זקנתי ושינה הדבר מפני השלום:

כג דביתהו דר' חייא הוה לה צער לידה שנאי מנא ואתת לקמיה דרבי חייא אמרה אתתא מפקדא אפריה ורביה א"ל לא אזלת אישתיא סמא דעקרתא לסוף איגלאי

יך. און ער האט ניט גיזאגט צוא יעקב מיט זיינע ווייבער איר זאלט אייך פרוכטבארי און איר זאלט אייך מערין. ווארום דיא ווייבער זענען ניט גיבאטין צוא האבין קינדער:

כב ואמר: נאך האט גיזאגט רבי אלעאי פון רבי אלעזר בן שמעונס וועגין אזוי וויא עס איז אמצוה צוא שטראפין דעם מענטש וואס וויל הערין דיא שטראף רייד. אזוי איז אמצוה מען זאל ניט שטראפין דעם וואס וויל ניט הערין דיא שטראף רייד: רבי אבא זאגט דער וואס וויל הערין שטראף רייד: מוז מען אים שטראפין. און דער וואס וויל ניט הערין שטראף רייד. טאר מען אים ניט שטראפין. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דוא זאלסט ניט שטראפען דעם וואס לאכט פון מוסר. טאמער וועט ער דיך פיינט האבען. דוא זאלסט שטראפען דעם חכם וועט ער דיך ליב האבען. נאך האט רבי אלעאי גזאגט פון רבי אלעזר בן שמעונס וועגין אמענטש מעג זאגין אליגען אויב דורך דעם ליגען וועט זיין שלום. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דיא ברידער האבען גיזאגט צוא יוסף דיין פאטער האט גיבאטען פאר זיין טויט אזוי זאלט איר זאגין צוא יוסף איך בעט דיך זייא מוחל צוא דיינע ברידער וואס זייא האבען געגין דיר געזינדיגט. און יעקב האט דאס גאר ניט גזאגט. נאר פון וועגין שלום האבען זייא גזאגט אליגען. רבי נתן זאגט עס איז אמצוה צוא זאגין אליגען נאר עס זאל זיין שלום. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק שמואל האט גזאגט וויא אזוי וועל איך גיין שאול וועט הערין וועט ער מיך הרגנן. האט גאט גיזאגט דוא זאלסט נעמען אקאלב און זאלסט זאגין איך בין גק מען שעכטין אקרבן: האט גאט גהייסען זאגען אליגען נאר עס זאל זיין שלום. דבי רבי ישמעאל האט גילערנט שלום איז אגרויסע מצוה אפילו גאט אליין האט משנה גיוועזן נאר ע' זאל זיין שלום. ווארום שרה האט גזאגט אויף אברהם מיין הער איז אלט: און גאט האט גזאגט פאר אברהם אז שרה האט גזאגט אויף זיך אז איך בין אלט כדי אברהם זאל ניט אין כעס ווערין אויף שרה:

כג דביתהו. דיא ווייב פון רבי חייא פלעגט האבען שווער קינדער האט זיא גיגע רערט איהע קליידער דער מאן זאל איר ניט דער קענען: און זיא איז גקומען פאר איר מאן רבי חייא. און האט איהם גיפרעגט אאשה איז גיבאטען או פ קינדער האבען אדער ניין. האט רבי חייא צו איר גזאגט ניין: איז זי גיגאנגען און האט געטרונקען אזוי אמעדיצין זיא זאל שוין ניט האבען קיין קינדער. דער נאך איז דער וואוסט גיווארין צוא רבי חייא וואס זיין ווייב האט גיטאהן. האט רבי חייא גזאגט צוא זיין ווייב אז דוא וואלסט ניט אזוי גיטאן וואלכטו דאך מיר גיבארין נאך איין בויך. נאך אצווילינג יאזעלכע צווייא זיהן וויא דיא וואס מיר האבען) ווארום דער כב.

אינגלאי מולתא א"ל איכו ילדת לי חדא כרסא אחריתי דאמר מר יהודה וחזקיה אחי פזי וטבי אחותא:

אלמנה לכהן גדול פרק שביעי

א (דף ע) תנו רבנן (ויקרא כב) וזרע אין לה אין לי אלא זרעה זרע זרעה ואפילו פסול מנין ת"ל וזרע אין לה מכל מקום. ת"ר הריני כפרת בן בתי כוזא שמאכילני בתרומה ואיני כפרת בן בתי כדא שפוסלני מן התרומה:

הערל פרק שמיני

א (דף עא ע"ב) אמר רבה בר יצחק אמר רב לא ניתנה פריעת מילה לאברהם

איכו ילדת לי חדא כרסא. ונוי יתן שלא תשתי ותלדי עוד כרס אחד שני בנים: אחי. תאומים: אחוותא. תאומות ובנותיו היו: כוזא. כלי קטן כלומר ממזר שהוא גרוע. כדא: כלי חשוב כלו' כהן גדול: (להבנת זה המאמר צריך הקדמות מכרות במשנה שלמעלה והם כי בת ישראל שנשאת לכהן ונתאלמנה אם ישאר לה שום זרע ממנו אפילו בן הבן או בת אוכלת בתרומה בעבור אותו זרע-ולכן אם ילדה בת ואותה בת הלכה ונשאת לעבד או לנכרי וילדה בן הרי זה ממזר ואפ"ה נקרא זרע בהן כיון שהוא בן בתו ובעבורו תאכל תרומה אם אמו והיא תהזיק לו טובה ותאמר הריני כפרת בן בתי הגרוע שהוא ממזר ואפ"ה מאכילני בתרומה משא"כ בבת כהן הנשואה לישראל ונתאלמנה ונשאר לה בן בתה שנשאת לכהן והרי הוא ראוי להיות כ"ג ובעבורו היא פסולה לשוב אחרי אלמנותה לאכול בתרומת בית אביה ואם לא נשאר שום זרע היתה אוכלת):

האט אונז גזאגט יהודה און חזקיה זענען ברידער (אצווילינג). פזי און טבי זענען שוועסטער (אצווילינג). דיא קינדער פון רבי חייא:

פרק שביעי

א תנו רבנן: די רבנן האבען געלערנט, עס שטייט אין פסוק אז א טאכטער פון א כהן איז גענומען געווארען צוא א מאן א ישראל. טאר זיא ניט עסין קיין תרומה. און אז דער מאן איז געשטארבען און זיא האט ניט קיין קינדער פון אים. מעג זיא עסין תרומה. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק וזרע אין לה. אז זיא האט ניט קיין קינדער. זאל זיא גיין צוריק צום פאטער און זאל עסין פון דעם פאטערס ברויט. פון תרומה. אבער אז זיא האט קינדער פון איר מאן טאר זיא ניט עסין קיין תרומה. פון וואנען ווייסען מיר אז זיא האט ניט קיין קינדער די קינדער זענען געשטארבען נאר דיא קינדערס קינדער. דיא אייניקלאך זענען דא: טאר זיא אויך ניט עסין קיין תרומה. און אפילו דער אייניקול איז א פסול ער איז א ממזר. טאר זי אויך ניט עסין קיין תרומה: שטייט אין פסוק וזרע אין לה: אז זיא האט גאר ניט קיין קינדער מעג זיא עסין תרומה. אבער אז עס איז דא קינדער. וועלכע קינדער, עס איז טאר זיא ניט עסין קיין תרומה דורך זייא: און אפילו זיא האט געהאט א טאכטער פון איר מאן: און די טאכטער האט גענומען א מאן א כהן: און זיא איז געשטארבען און האט געלאזין א זוהן: וואס דער זוהן מעג זיין א כהן גדול: דורך דעם זוהן טאר ניט דיא באבע עסין תרומה. און אז א טאכטער פון א ישראל האט גנומען א מאן א כהן. עסט זיא תרומה. און אז דר מאן איז געשטארבען. טאר זיא ניט עסין תרומה. און אז זיא האט א קינד פון דעם מאן עסט זיא תרומה: און אויב זיא האט געהאט א טאכטער פון דעם מאן. און דיא טאכטער האט גנומען א מאן אפילו א גוי: און זיא האט פון דעם גוי א זוהן וואס ער איז א ממזר. און דיא מוטער זיינע איז געשטארבען: מעג דיא באבע עסין תרומה דורך דעם אייניקול. האבען דיא רבנן געלערנט: דיא טאכטער פון ישראל וואס האט געהאט א מאן א כהן. בעדאנקט זיך בייא איר אייניקול דעם ממזר. און דיא זאגט איך זאל זיין א כפרה פאר דעם זוהן פון מיין טאכטער וואס ער איז גאר קליין וויא א קריגעלע: ער איז א ממזר. ווייל דורך אים מעג איך עסין תרומה. אבער דיא טאכטער פון כהן וואס האט געהאט א מאן א ישראל. זיא זאגט איך וויל ניט זיין א כפרה פאר דעם זוהן פון מיין טאכטער. אפילו ער איז א גרויסער קרוג: ער מעג זיין א כהן גדול. ווארום דורך אים טאר איך ניט עסין קיין תרומה:

פרק שמיני

א אמר. רבה בר יצחק האט גזאגט פון רבס וועגין דער דין פריעה צו זיין די מילה נאוף

אם כן מאי שוב. דמשמע זימנא אחריתי אלא לאו ש"מ לפריעה: ומאי שנית. השתא דדרשת שוב שנית מאי דריש ביה: סוף מילה. ציצין שלא נתיירו אלא תחת כל העטרה: (סוף מילה. ציצין שנשתיירו שלא תחכן יפה): רוח צפונית. שהיא לא חמה ולא גשמים וחמה זורחת: לא נשבה להם רוח צפונית. ביום ולא זרחה חמה עליהם: אבע"א משום דנזופי הוו. ממעשה העגל ולא היו ראויין לאור נוגה: ואבע"א. משום הכי לא נשבה כי היכי דלא נבדרי ענני כבוד שהיו מקיפין ולא היתה חמה יכולה להכנס: יומא דעיבא. יום מעונן: יומא דשותא. שרוח דרומית מנשבת והיא קשה מכל הרוחות: מסוכרינן. מקיזין:

דפס

אבינו שנאמר (יהושע ה) בעת ההיא אמר ה' אל יהושע עשה לך חרבות צורים ודלמא הנך דלא מהול כלל דכתיב (שם) כי מולים היו כל העם היוצאים וכל העם הילודים במדבר בדרך בצאתם ממצרים לא מלו אם כן מאי שוב אלא לאו לפריעה ומאי שנית לאקושי סוף מילה לתחלת מילה מה תחלת מילה מעכבת אף סוף מילה מעכבת דתנן אלו הן ציצין המעכבין את המילה בשר החופה וכו' ובמדבר מ"ט לא מהול אי בעית אימא משום חולשא דאורחא ואבע"א (דף עב) דלא נשבה להו רוח צפונית דתניא כל אותן ארבעים שנה שהיו ישראל במדבר לא נשבה להם רוח צפונית מ"ט אבע"א משום דנזופי הוו ואבע"א דלא נבדרי ענני כבוד. אמר רב פפא הלכך יומא דעיבא ויומא דשותא לא מהלינן ביה ולא מסוכרינן ביה והאידנא דדש. בה רבים (תהלים קטז) שומר פתאים ה':

ת"ר

צו רייסן די הויט פון דער מילה איז ניט געבאטין געווארין צו אברהם אבינו. נאר פון אברהם אבינו ביז יהושע בן נון האט מען מל געווען אן פריעה. ווארום עס שטייט אין פסוק אין דער צייט האט גאט געזאגט צו יהושע דו זאלסט דיר מאכין שארפע מעסערס ואויף צו שניידין די הויט פון דער מילה. פרעגט די גמרא טאמער מיינט מען יהושע זאל מל זיין דיא מענטשין וואס זענין נאך גאר ניט נימלת געווארין. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק דאס גאנצע פאלק וואס זענין ארויס גגאנגן פון מצרים זענין געווען גימלת. און דם גאנצע פאלק וואס זענן געבארן געווארן אין דר מדבר אין וועג ווען זיי זענען ארויס גגאנגן פון מצרים זענן ניט געווען גמלת. ענפערט די גמרא וואס שטייט דר ווארט שוב מען זאל נאך אמאהל מל זיין, מען האט דאך יעדער מענטש נאר איין מאהל מל געווען. נאר געוויס מיינט מען אפילו די מענטשין וואס זענין שוין געווען גימלת. האט זיי יהושע נאך אמאהל נימלת. ער האט אויף געריסען די הויט וואס ארום דער מילה. פרעגט די גמרא וואס דרשת מען מיט דעם ווארט שנית. נאך אמאהל. ענפערט די גמרא מען זאל גלייכין דעם סוף מילה צום אנהייב מילה. אזוי ווי דער אנהייב מילה פאר האלט. ער הייסט אנדערש ניט איוד סיידין ער איז גימלת. אזוי דער סוף מילה (די שטיקלאך הויט וואס בלייבט ארום די מילה נאך דעם מל זיין. ער האט ניט גוט אפ געשניטען די הויט). פאר האלט אויך. ער הייסט אנדערש ניט איוד סיידין מען שניידט ארום די שטיקלאך הויט. פרעגט די גמרא פאר וואס האט מען ניט גימלת די יודין אין דער מדבר. אנדערע זאגין ווייל זיי זענין געווען שוואך פון וועג. אנדערע זאגין ווייל עס האט גיט גיבלאזין קיין צפון ווינט. האבין זיי ניט גיהאט קיין גוטע וועטערונג. ווארום די בעסטע וועטערונג איז ווען עס בלאזט דער צפון ווינט. ווארום מיר האבין גילערונט די גאנצע פערציג יאהר וואס די יודין זענין געווען אין דער מדבר האט ניט גיבלאזין קיין צפון ווינט. פאר וואס. אנדערע זאגין ווייל דיא יודין זענין געווען דער ווייטער פון גאט פון דער צייט וואס זייא האבען גימאכט דם עגל: אנדערע זאגען דריבער האט ניט גיבלאזין דער צפון ווינט דיא וואלקינס וואס האבען ארומגערינגעלט דיא יודין זאלין ניט פאר שפרייט ווערין דורך דעם ווינט. רב פפא זאגט דריבער דער טאג וואס דער הימעל איז פאר וואלקינט. און דער טאג וואס בלאזט אדרום ווינט. זאל מען דעם טאג ניט מל זיין. און מען זאל ניט עפענען דעם אדער צום בלוט לאזין: נאר היינט וואס מענטשין זענין גיוואונט מל צו זיין און אדער עפענען אפילו אין אוואלקענדיגען טאג אויך. און אין דעם טאג וואס עס איז אשטורעם ווינט פון דרום זייט אויך. היט גאט דיא נארין עס זאל זייא קיין בייז ניט גישעהן:

ב **ת"ר** כל אותן ארבעים שנה שהיו ישראל במדבר לא היה יום שלא נשבה בו רוח צפונית בחצי הלילה שנאמר (שמות יב) ויהי בחצי הלילה וה' הכה כל בכור. מאי תלמודא הא קמ"ל דעת רצון מלתא היא. אמר רב הונא דבר תורה משוך אוכל בתרומה ומדבריהם גזרו עליו מפני שנראה כערל. והביאו בגמרא על זה ר' יהודה אומר משיך לא ימול מפני שסכנה היא לו: מרו לו והלא הרבה מלו בימי בן כוזיבא והולידו בנים ובנות:

ג (דף עו) **מתיב** רב יוסף (מ"א ג) ויתחתן שלמה את בת פרעה מלך מצרים גיורי גיירה והא לא קבלו גרים בימי דוד ולא בימי שלמה מידי הוא טעמא אלא לשלחן מלכים (ע"ג) הא לא צריכא ליה והא כצרית ראשונה היא וכו' אמר רב פפא אנן משלמה ליקו ונתיב שלמה לא נסיב מידי דכתיב ביה (שם יא) מן הגוים אשר אמר ה' אל בני ישראל לא תבואו בהם והם לא יבואו בכם אכן יטו את לבבכם אחרי אלהיהם בהם דבק שלמה לאהבה אלא קשיא ויתחתן מתוך

דעת רצון מלתא היא. וכיון דהאת לילה עת רצון הויא למכת בכורות הויא נמי עת רצון לרוח צפונית ואין לך יום שרוח צפונית אין מנשבת בו בחצי הלילה וזה היה סימן לדוד כשר תלוי לו למעלה ממטתו וכקביו כנגדי צפון כיון שהגיע חצות לילה רוח צפונית מנשבת בו ומנגן מאליו והיה נעור והאי דנקט הכא מ' שנה לומר לך שאפילו אותם מ' שנה דהיו הין ולא נשבה להו ביומים נשבה להו בחצות לילה משום דעת רצון היא: משוך. מהול שנמשכה ערלתו וכסתה את העטרה: בימי בן כוזיבא. שמשכום נכרים באונס בכרך ביתר וגברה יד בן כוזיבא ונלחם בהם ונצחם ומלך על ישראל ב' שנים ומחצה וחזרו ומלו בימיו:

אמרו בגמרא דלא שייך התנות בגוים בעודם בגיותם ומה שאמר הכתוב לא תתחתן בם הוא לאחר שנתגיירו וע"ז הקשה רב יוסף והכתיב ויתחתן שלמה וגו': שלמה לא נסיב מידי. אלא לזנות היה מתכוון דכתיב לאהבה ולא לאישות:

ב תנו רבנן: דיא רבנן האבען געלערנט דיא גאנצע פערציג יאהר וואס דיא יודין זענען געוועזען אין דער מדבר. האט אלע האלבע נאכט געבלאזען אצפון ווינט. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אונ עס איז געוועזען אין האלבע נאכט האט גאט געשלאגען אלע בכורים: וואס לערנען מיר פון דעם פסוק אז האלבע נאכט איז אגוטע צייט פאר יודינס וועגין. אונ אצפון ווינט איז גוט פאר דער וועלט. דריבער האט אלע האלבע נאכט געבלאזען, פאר יודינס וועגין אצפון ווינט. רב הונא זאגט איוד וואס מען האט אים מל געוועזען. אונ דיא הויט האט צוריק ארויף געוואקסען. אונ ער זעהט אויס וויא ניט גימלת. דיא תורה זאגט ער מעג עסין תרומה. אונ די רבנן זאגין ער טאר ניט עסין תרומה ווייל ער זעהט אויס אזוי וויא ניט גימלת. רבי יהודה זאגט איוד וואס מען האט אים גימלת. אונ דיא הויט האט צוריק ארויף געוואקסען. טאר מען אים ניט מל זיין נאך אמאהל. ווייל עס איז אסכנה. האבען דיא חכמים צוא אים געזאגט פיל מענשין אזעלכע וואס דיא גוים האבען געכאפט דיא יודין אונ האבען ארויף געצויגען דיא הויט פון זייערע מילות אונ זייא האבען זיך נאך אמאהל מל געוועזען אין דיא צייטען פון בן כוזיבא. פון דעסטוועגין האבען זייא געבארין זיהן אונ טעכטער אונ עס איז ניט געוועזען קיין סכנה:

ג מתיב. רב יוסף האט געפרעגט עס שטייט אין פסוק שלמה המלך האט גענומען אוייב דיא טאכטער פון פרעה דער מלך פון מצרים. זאגט דיא גמרא ער האט איר מגייר געוועזען. פרעגט דיא גמרא אין דיא צייטען פון דוד אונ פון שלמה האט מען דאך ניט אן גענומען קיין גרים. ענטפערט דיא גמרא פאר וואס האט מען אין דיא צייט פון דוד אונ שלמה ניט אן גענומען קיין גרים. ווייל זייא האבען זיך ניט מגייר געוועזען פון גאטס וועגין. נאר זיי זאלין גליקליך זיין. ווייל דיא יודין האבען אין דער צייט געלעבט ווי די מלכים. אבער דיא טאכטער פון פרעה האט דאך ניט געדארפט דאס יודישע גליק. געוויס האט זיא זיך מגייר געוועזען פון גאטס וועגין. רב פפא זאגט מיר קענען ניט אפ לערנען פון שלמה. ווארום שלמה האט ניט חתונה געהאט מיט דיא ווייבער. ווארום עס שטייט אין פסוק פון דיא פעלקער וואס גאט האט געזאגט צוא דיא יודין איר זאלט ניט קומען אין זייא אונ זייא זאלין ניט קומען אין אייך ווארום זייא וועלין אפ נייגען אייער הארץ נאך זייערע געטער אין זייא האט זיך שלמה בהעפט

ולא ידע ליה. שאול לדוד: באוכלוסא. שר של ששים רבוא: שהמלך פורץ. גדרות של אחרים לעשות לו דרך קצרה מביתו לפרדסו או לכרמו: חשיבא בעלמא הוי. כדמפרש דהוא ביה סימני מלכות כולך לא אפשר דלא הוי רישא: מ"ט א"ל שאל

מתוך אהבה יתירה שאהבה מעלה עליו הכתוב כאלו נתחתן בה:

ד משנה עמוני ומואבי אסורין ואיסורן איסור עולם אבל נקבותיהן מותרות מיד: **גמ'** מנא הני מילי א"ר יוחנן דאמר קרא (ש"א יז) וכראות שאול את דוד יוצא לקראת הפלשתי אמר אל אבנר שר הצבא בן מי זה הנער אבנר ויאמר אבנר חי נפשך המלך אם ידעתי. ולא ידע ליה והא כתיב (שם טז) ויאהבהו מאד ויהי לו נושא כלים אאבוה קא משאיל ואביו לא ידע ליה והכתיב (שם יז) והאיש בימי שאול זקן בא באנשים ואמר רב ואיתימא ר' אבא זה ישי אבי דוד שנכנס באוכלוסא ויצא באוכלוסא ה"ק זיל שאיל אי מפרץ אתי אי מזרח אתי אי מפרץ אתי מלכא הוי שהמלך פורץ לעשות דרך ואין מוחין בידו אי מזרח אתי חשיבא בעלמא הוי מ"ט א"ל שאל עליה משום כאניה דכתיב (שם) וילבש שאול את דוד מדיו. מאי מדיו כמדתו וכתיב ביה בשאול (שם) משכמו ומעלה גבוה מכל העם (מאי האי דאיתרמי ליה מאנאי ש"מ מלכא הוי) א"ל דואג האדומי

ליב צוא האבען זייא. ער האט זייא נאר ליב געהאט צוא מנוה זיין מיט זייא. אבער ניט חתונה צוא האבען מיט זייא. פרעגט דיא גמרא עס שטייט דאך ויתחתן. האט ער דאך מיט זייא חתונה געהאט. ענטפערט דיא גמרא ער האט זייא אזוי ליב געהאט גלייך ווייא ער וואלט מיט זייא חתונה געהאט:

ד משנה. עמוני. עמון אונ מואב זענען אסור אויף אייביג צוא נעמען יודישע ווייבער. אבער דיא נקבות זייערע מעגין באלד נעמען יודישע מאנען. פרעגט דיא גמרא פון וואנען ווייסען מיר דעם דין. האט רבי יוחנן גזאגט עס שטייט אין פסוק אז שאול האט געזעהן דוד גייט ארויס געגין דעם פלשתי: האט שאול גזאגט צוא זיין געניעראל אבנר. וועמעס זוהן איז דער יונגער מאן. האט אבנר גזאגט צום מלך איך שווער ביי דיין לעבין אז איך ווייס ניט ווער ער איז: פרעגט דיא גמרא האט שאול ניט געקענט דוד. עס שטייט דאך אין פסוק שאול האט ליב געהאט דוד. אונ דוד האט געטראגען זיינע כלים. ענטפערט דיא גמרא שאול האט געפרעגט ווער איז דער פאטער פון דוד. פרעגט דיא גמרא האט דען שאול ניט געוואוסט ווער איז דער פאטער פון דוד. עס שטייט דאך אין פסוק דער מענטש איז געווען אין דיא צייט פון שאול איין אלטער מאן. ער איז געקומען מיט מענטשין. האט רב גזאגט. אנדערע זאגין רבי אבא האט געזאגט דאס מיינט מען ישי דער פאטער פון דוד וואס ער איז ארויין געגאנגען אונ ארויס געגאנגען מיט זעקס מאהל הונדערט טויזענד יודין. ער איז געווען אשר אויף זיי. אזוי אשר האט דאך אים שאול געוויס געקענט. ענטפערט דיא גמרא אזוי האט שאול גזאגט צו אבנר. גייא פרעג פון וועמען דוד איז געבארין. אויב ער איז געבארין פון פרץ אדער פון זרח. אויב ער איז געבארין פון פרץ וועט ער זיין א מלך. ווארום פרץ איז טייטש אויס ברעכען. אונ א מלך מעג צוא ברעכען דיא ווענט פון פרעמדע פעלדער אונ וויין גערטנער צוא מאכען פר זיך א וועג דורך צוא גיין אונ מען טאר אים ניט שטערין. אונ אויב ער איז געבארין פון זרח וועט ער נאר זיין א גרויסער מאן. פאר וואס האט שאול גזאגט צוא אבנר ער זאל פרעגין אויף דוד. פון דיא קליידער האט שאול געזעהן אז דוד וועט זיין א מלך. ווארום עס שטייט אין פסוק שאול האט אן געקליידט צוא דוד מדיו. זיינע קליידער. פאר וואס שטייט ניט בגדיו. בגד איז טייטש א קלייד. אבער מדיו איז דאך ניט דער טייטש קליידער. ענטפערט דיא גמרא מדיו מיינט מען דיא קליידער פון שאול איז געווען ווי דיא מאס פון דוד. אונ ביי שאול שטייט אז ער איז געווען העכער ווייא אלע יודין. אונ דיא קליידער פון שאול איז געווען ווייא דיא מאס פון דוד. איז געווען דיא זאך א וואונדער ביי שאול. האט שאול גזאגט דאס ווייזט געוויס אז דוד וועט

זיין

האדומי עד שאתה שואל עליו אם הגון הוא למלכות אם לאו שאל עליו אם ראוי לבא בקהל אם לאו משום דקא אתי מרות המואביה אמר ליה אבנר תנינא עמוני ולא עמונית מואבי ולא מואבית אלא מעתה ממזר ולא ממזרת ממזר כתיב מום זר מצרי ולא מצרית שאני הכא דמפרש טעמא דקרא (דברים כג) על דבר אשר לא קדמו אתכם בלחם ובמים דרכו של איש לקדם ולא דרכה של אשה לקדם היה להם לקדם אנשים לקראת אנשים ונשים לקראת נשים אישתיק מיד ויאמר המלך שאל אתה בן מי זה העלם התם קרי ליה נער והכא קרי ליה עלם ה"ק ליה הלכה זו נתעלמה מכך צא ושאל בבית המדרש שאל אמרו ליה עמוני ולא עמונית מואבי ולא מואבית (דף עז) אקשי להו [דואג] כל הני קו"ש יתאה אישתיקו בעי לאכרוזי עליה מיד (ש"ב יז) ועמשא בן איש ושמו יתרא הישראלי אשר

שאל. אלי הוא דמסתפי מיניה ממלכותא: ממזר כתיב

זיין א מלך. האט דואג האדומי געזאגט צו שאול איידער דו פרעגסט אויף דוד אויב ער איז ווערט צו זיין א מלך אדער ניין, פרעג אויף אים אויב ער מעג קומען אין די יודישע פערזאמלונג אדער ניין. ווייל ער איז געבארין פון רות המואביה. האט אבנר געזאגט צו דואג מיר האבען געלערנט, עס שטייט אין פסוק עמוני און מואבי זאלין ניט קומען צווישען יודין; עמוני איז אסור אבער עמונית איז מותר. מואבי איז אסור אבער מואבית איז מותר. די זכרים פון עמון און מואב זענען אסור צו קומען צווישען יודין אבער די נקבות פון עמון און מואב מעגען קומען צווישען יודין. פרעגט דואג. עס שטייט אין פסוק א ממזר זאל ניט קומען צווישען יודין זאלען מיר אויך זאגען א ממזר איז אסור. אבער א ממזרת איז מותר. זאגט אבנר ממזר איז טייטש מום זר. דער וואס האט א פעלער ער איז געבארין געווארין פון א פרעמדע מוטער. וואס דער פאטער טאר ניט נעמען די מוטער פאר א ווייב; טאר ניט דאס קינד קומען צווישען יודין סיי א זכר סיי א נקבה. פרעגט דואג עס שטייט אין פסוק א מצרי זאל ניט קומען צווישען יודין. זאלין מיר אויך זאגען א מצרי איז אסור אבער א מצרית איז מותר. ענטפערט אבנר ביי עמון און מואב איז אנדערש; דא דארפין נקבות מותר זיין. ווארום די תורה זאגט א טעם פאר וואס עמון און מואב זענען אסור. ווייל זייא זענען ניט ארויס געגאנגען מיט ברויט און וואסער געגען די יודין ווען זייא זענען געגאנגען אין דער מדבר. דער שטייגער איז זכרים דארפין ארויס גיין מיט ברויט און וואסער. אבער נקבות דארפין ניט ארויס גיין מיט ברויט און וואסער. דריבער דארפין ניט די נקבות אסור זיין; זאגט דואג זיין אלע האבען געדארפט ארויס גיין מיט ברויט און וואסער. זכרים האבען געדארפט ברייגען ברויט מיט וואסער פאר זכרים. און נקבות האבען געדארפט ברייגען ברויט מיט וואסער פאר נקבות. אז זייא האבען ניט אזוי געטאהן. דארפין אלע אסור זיין. האט אבנר געשוויגען. האט שאול געזאגט צו אבנר פרעג בן מי זה העלם. וועמעס זוהן איז דער יונגער מאן. פרעגט די גמרא פריער רופט שאול אויף דוד נער. יונג; און איצט רופט ער אים עלם; דאס איז טייטש פאר הוילין; נאר אזוי האט געזאגט שאול צו אבנר דער דין איז פאר הוילין פון דיר. דוא ווייסט אים ניט; גייא פרעג אין בית המדרש. האט אבנר געפרעגט אין בית המדרש; האט מען אים געענטפערט עס שטייט אין פסוק עמוני און מואבי זאל ניט קומען צווישען יודין. עמוני איז אסור און עמונית איז מותר. מואבי איז אסור און מואבית איז מותר. האט דואג זייא געפרעגט די אלע קשיות אזוי וויא פריער שטייט. האבען זייא געשוויגען. און זייא האבען ניט געוואוסט וואס צו ענטפערין. האט מען געוואלט אויס רופען אויף דוד אז ער טאר ניט נעמען קיין יודישע ווייב. איז באלד געקומען עמשא דער זוהן פון א מענש וואס זיין נאמען איז יתרא הישראלי וואס ער האט חתונה געהאט מיט אביגיל די טאכטער פון נחש. און

אשר בא אל אביגיל בת נחש וכתיב (ד"ה א' ב) יתר הישמעאלי אמר רבא מלמד שחגר חרבו כישמעאל ואמר כל מי שאינו שומע הלכה זו ידקר בחרב כך מקובלני מבית דינו של שמואל הרמתי עמוני ולא עמונית מואבי ולא מואבית ומי מהימן והא"ר אבא אמר רב כל תלמיד חכם שמורה הלכה ובא אם קודם מעשה אמרה שומעין לו ואם לאו אין שומעין לו שאני הכא דהא שמואל ובית דינו קיים מ"מ קשיא הכא תרגימו (תהלים מה) כל כבודה בת מלך פנימה במערבא אמרי ואיתימא ר' יצחק אמר קרא (בראשית יח) ויאמרו אליו איה שרה אשתך וגו':

פסוק שלם זה. כל שיש בו מום זרות: אם קודם מעשה. שבאתה הוראה לידו אמרה ובגלה לתלמידים בבהמ"ד בשם רבו: שומעין לו. בשעת הוראה. ואם לאו אין שומעין לו. שמתמת מעשה שבא לידו אמרה: דהא שמואל ובית דינו קיים. ומלתא דעבידא לגלויי היא ולא משקר בה: הכא בהאי. דאין דרך אשה לצאת מביתה: מוסרות. שם רצועות שקושרים בהם העול: פתחת. שהתרת את הקבות: נעמה. אמו של רחבעם וממנה יצאו מלכי בית דוד: נפלאותיך ומחשבותיך אלינו. עלי ועל רחבעם בן

הדרש רבא מאי דכתיב (תהלים קמ"ז) פתחת למוסרי אמר דוד לפני הקב"ה רבש"ע ב' מוסרות שהיו עלי פתחת רות המואביה ונעמה העמונית. דרש רבא מ"ד (שם מ) רבות עשית אתה ה' אלהי נפלאותיך ומחשבותיך אלינו אלי לא נאמר אלא אלינו מלמד שהיה רחבעם יושב בחיקו של דוד ואמר לו עלי ועליך נאמרו שתי מקראות הללו

נאך א פסוק שטייט אז זיין נאמען איז געווען יתר הישמעאלי. האט רבא געזאגט דער פסוק לערונט אונז אז ער האט אן גגורט זיין שווערד אזוי וויא א טערק אונ ער האט געזאגט ווער עס וועט ניט צוא הערין דעם דין וועט ער נישטאכען ווערין מיט דעם שווערד. אזוי האב איך געהערט פון דעם בית דין פון שמואל הרמתי אז זכרים פון עמון אונ מואב זענען אסור אונ נקבות זענען מותר. פרעגט דיא גמרא איז דען עמשא בגלויבט געווען אזוי צו זאגין. רבי אבא האט דאך געזאגט פון רבס וועגין אז א תלמיד חכם זאגט א דין. אויב ער האט דעם דין גילערונט מיט זיינע תלמידים אין בית המדרש איידער דיא זאך האט גיטראפין. דער נאך אז דיא זאך טרעפט. פסקת מען אזוי וויא ער האט פריער גילערונט. אונ אויב ער האט דעם דין נאך קיין מאהל ניט גילערונט. נאר ווען עס האט גיטראפין אזאך האט ער גיפסקת א נייעם דין. פאלגט מען אים ניט. אונ עמשא האט דאך אויך דעם דין קיין מאהל ניט גילערונט אין בית המדרש. זאגט דיא גמרא דא איז אנדערש שמואל מיט זיין בית דין האבין דאך גילעבט. קען מען דאך בייא זייא פרעגין. אונ זייא האבין דאך גילערונט דעם דין איידער דיא זאך איז גיקומען. פרעגט דיא גמרא איז דאך אבער דיא קשיא וואס דואג האט גיפרעגט. זאגט דיא גמרא אין בבל האט מען גיענטפערט עס שטייט אין פסוק כל כבודה בת מלך פנימה דער כבוד פון א אשה איז דיא זאל זיין אין שטוב. דריבער האבין דיא ווייבער פון מואב ניט גידארפט ארויס גיין מיט ברויט אונ וואסער אפילו געגין ווייבער אויך ניט. אין ארץ ישראל האט מען גיזאגט. אנדערע זאגין רבי יצחק האט גיזאגט פון דעם פסוק. דיא מלאכים האבין גיזאגט צוא אברהם וואו איז דיין ווייב שרה. זעהן מיר אז דער כבוד פון א אשה איז זיא זאל זיין אין שטוב:

הדרש. רבא האט גידרשת עס שטייט אין פסוק פתחת למוסרי. דו האסט אויף גיבונדען מיינע פארבינדונג. דוד האט גיזאגט פאר גאט רבונו של עולם צווייא פארבינדונגען וואס זענין גיוועזן אויף מיר האסטו זייא אויף גיבונדען. רות וואס איז גיבארין פון מואב. אונ נעמה וואס איז גיבארין פון עמון. רבא האט גידרשת עס שטייט אין פסוק פיל האסטו גיטאהן גאט מיין גאט. דיינע וואנדער אונ דיינע טראכטונג איז פאר אונז. עס שטייט ניט אין פסוק פאר מיר. נאר פאר אונז. דער פסוק לערונט אונז אז רחבעם איז גיזעסין אין דיא שויס פון דוד. אונ דוד האט גיזאגט צוא רחבעם אויף מיר אונ אויף דיר זענען גיזאגט גיווארין דיא צווייא פסוקים. אויף מיר וואס איך בין גיבארין פון רות: אונ אויף דיר וואס דו ביזט גיבארין פון נעמה:

הללו. דרש רבא מ"ד (סס) אז אמרתי הנה באתי במגלת ספר כתוב עלי אמר דוד אני אמרתי עתה באתי ולא ידעתי שבמגלת ספר כתיב עלי התם כתיב (בראשית יט) הנמצאות הכא כתיב (תהלים פט) מצאתי דוד עבדי בשמן קדשי וגו':

ו (דף עח ע"ב) אמר רב הונא ממזרא לא חיי והא אנן תנן ממזרים אסורין ואיסורן איסור עולם. א"ר זירא לדידי מפרשא לה מיניה דרב יהודה דידיע חיי דלא ידיע לא חיי דידיע ולא ידיע עד תלתא דרי חיי טפי לא חיי ההוא דהוה בשבבותיה דר' אמי אכריז עליה דממזרא הוא הוה אזיל ובכי אמר לו חיים נתתי לך:

ז אמר רב חנא בר אדא נתינים דוד גזר עליהם שנא' (ש"ב כא) ויקרא המלך לגבעונים ויאמר

כי תשכם לטובה כשהתרת את לנקבות: אמי אמרתי. בשעה שנמשחתי עתה באתי לגדולה ומקרוב פסקו לי גדולה זו ולא ידעתי שמימי אברהם נכתב עלי במגלת ספר:
ממזר דידיע. כברור לכל: חיי. הוא ותולדותיו דלא מסמעי ביה: דלא ידיע כלל. לא חיי אפי' הוא שלא יחא כשרה: דידיע ולא ידיע עד תלת דרי. דוסירי איכתי חיי טפי לא חיי דכיון דלאו דבר ברור הוא משתכחא מלתא:
דוד גזר עליהם. כדכתיב והגבעונים לא מבני ישראל המה

רבא האט גידרשת עס שטייט אין פסוק דענסט מאהל האב איך גיזאגט איך בין גיקומען מיט דער מגלה וואס שטייט געשריבען אויף מיר. אזוי האט דוד גיזאגט איך האב גימיינט אז איך בין איצט גיקומען צוא מיין גרויסקייט איך זאל ווערין א מלך. אונ איך האב ניט גיוואוסט אז אין דער תורה שטייט שוין געשריבען אז איך וועל ווערין א מלך. דארטין שטייט ביי דיא צוויא טעכטער פון לוט הנמצאות. וואס זענען גיפונען גיווארין. אונ דא שטייט מצאתי דוד עבדי בשמן קדשי משחתיו. איך האב גיפונען מיין קנעכט דוד איך האב אים גיזאלבט מיט דיא היילגע בוימאייל. וואו האט מען גיפונען דוד אין סדום פון דיא טעכטער פון לוט:

ו אמר. רב הונא האט גיזאגט א ממזר קען ניט לעבין. פרעגט דיא גמרא מיר האבין דאך גילערנט ממזרים זענען אסור אויף אייביג. האט רבי זירא גיזאגט מיר האט מען דער ציילט פון רב יהודה'ס וועגין דער ממזר וואס מען ווייסט פון אים אז ער איז א ממזר. דער וועט לעבין. ער מיט זיינע קינדער אויף אייביג ווארום קיינער וועט זיך ניט מתחתן זיין מיט אים. אונ ניט מיט זיינע קינדער ווארום מען וועט אויף אייביג גידיינקען אז זיי זענען קינדער פון א ממזר. דער ממזר וואס מען ווייסט ניט פון אים אז ער איז א ממזר. דער וועט ניט לעבין. ער אליין אויך ניט. טאמער וועט מען זיך מתחתן זיין מיט איהם. דער ממזר וואס אויף אים איז א ספק מען ווייסט נימז צוא ער איז א ממזר אדער ניין. ביז דרייא דורות. ער אונ זיין זוהן אונ זיין איינקיל לעבין. ווארום ביז דער צייט וועט מען גדיינקען אז מען האט גירעט אויף דעם זיידען טאמער איז ער א ממזר. וועט מען זיך מיט זייא ניט מתחתן זיין. דער פערטער דור אונ נאך ווייטער וועלין שוין ניט לעבין. ווייל עס איז ניט קיין געוויסע זאך אז זייא זענען גיבארין פון א ממזר. וועט דיא זאך פארגעסין ווערין. אונ מען וועט זיך מיט זייא מתחתן זיין. אין דיא גאס וואו רבי אמי האט גיוואהנט איז גיווען א ממזר. אונ קיינער האט ניט גיוואסט פון אים. האט רבי אמי אויסגערופין אויף אים אז ער איז א ממזר. איז דער ממזר גיגאנגען אונ האט גיוויינט האט רבי אמי צוא אים גיזאגט איך האב דיר גיגעבין לעבין. אז מען ווייסט פון דיר אז דוא ביזט א ממזר וועסטו לעבין וויא פריער שטייט:

ז אמר. רב חנא בר אדא האט גיזאגט דוד המלך האט גוזר גיווען דיא יודין זאלין זיך ניט מתחתן זיין מיט דיא גבעונים. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דער מלך דוד האט גירופין צוא דיא גבעונים אונ האט גיזאגט צוא זייא דיא גבעונים זענען ניט פון יודין.

ומפס כטמנו אינס ראוין לבא בקהל : אית מסכלל במהם סקר. בפוסק ואים נותן גירם לעבירם **ויאמר אליהם והגבעונים לא מבני ישראל המה. מ"ט גזר** עלייהו דכתיב (שס) ויהי רעב בימי דוד שלש שנים שנה אחר שנה. שנה ראשונה אמר להם שמא עובדי ע"ז יש בכם דכתיב (דברים יא) ועבדתם אלהים אחרים והשתחויתם להם וחרה אף ה' בכם ועצר את השמים ולא יהיה מטר בדקו ולא מצאו. שניה אמר להם שמא עוברי עבירה יש בכם דכתיב (ירמיה ג) וימנעו רביבים ומלקוש לא היה ומצח אשה זונה היה לך בדקו ולא מצאו. שלישית א"ל שמא פוסקי צדקה ברבים יש בכם ואין נותנין דכתיב (משלי כה) נשיאים ורוח וגשם אין איש מתהלל במתת שקר בדקו ולא מצאו אמר אין הדבר תלוי אלא בי מיד (ש"ב כא) ויבקש דוד את פני ה' מאי היא אמר ר"ל ששאל באורים ותומים. מאי משמע א"ר אלעזר אתיא פני פני כתיב הכא ויבקש דוד את פני ה' וכתיב התם (במדבר כז) ושאל לו במשפט האורים לפני ה'. (ש"ב כא) ויאמר ה' אל שאול ואל בית הדמים על אשר המית את הגבעונים אל שאול שלא נספד כהלכה ואל בית הדמים על אשר המית את הגבעונים. וכי היכן מצינו בשאול שהמית את הגבעונים אלא מתוך שהרג נוב עיר הכהנים

יודין זאָלין זיך ניט מְחַתֵּן זיין מיט זייא: פאַר וואָס האָט דאָס דָוִד אויף זייא גוזר גיוועזן; וואָרום עס שטייט אין פָּסוּק עס איז גיוועזן אהונגער אין דיא צייט פון דָוִד דרייא יאָהר אַיאָהר נאָך איאָהר. דעם ערשטין יאָהר האָט דָוִד גיזאָגט צוא דיא יודין טאָמער איז דא צווישען אייך מענטשין וואָס דינען עבודה זרה. אַזוי וויא עס שטייט אין פָּסוּק איר וועט דינען פרעמדע געטער אונ איר וועט אייך בוקין צוא זייא. וועט דער היצט ווערין דער כעס פון גאָט אויף אייך אונ ער וועט אויף האַלטין דיא הימלען אונ עס וועט ניט זיין קיין רעגין. האָט מען גיזוכט אונ מען האָט ניט גיפונען יודין זאָלין דינען עבודה זרה. דעם אַנדערין יאָהר האָט דָוִד גיזאָגט צו דיא יודין טאָמער איז דא צווישען אייך מענטשין וואָס זענען מזנה. אזוי וויא עס שטייט אין פָּסוּק עס איז פאַרמיטען גיוואָרין רעגין אונ דער שפּעטיגער רעגין איז ניט גיוועזן. ווייל דער שטערין פון אַזונה איז גיוועזן ביא דיר. ווייל דו בִּיזט מזנה. האָט מען געזוכט אונ מען האָט ניט גיפונען יודין זאָלין מזנה זיין. דעם דריטען יאָהר האָט דָוִד גיזאָגט צוא די יודין טאָמער איז דא צווישען אייך אַזעלכע מענטשין וואָס ווען זייא שטייען צווישען פיל מענטשין זאָגין זייא צוא זייא ווערין געבין צְדָקָה. אונ געבען נישט; אַזוי וויא עס שטייט אין פָּסוּק עס איז דא וואָלקינס אונ ווינט. אונ רעגין איז נישטא. ווייל דיא מענטשין באַרימען זיך זייא ווערין געבין צְדָקָה. אונ עס איז פאַלש זייא געבין ניט. אַזוי ווערט דער הימל בדעקט מיט וואָלקינעס אונ ער באַרימט זיך ער וועט געבין רעגין אונ גיט ניט. האָט מען געזוכט אונ מען האָט ניט געפונען אַזעלכע מענטשין. האָט דָוִד גיזאָגט וויא איך זעה איינגט דיא זאַך נאָר אויף מיר; האָט דָוִד באַלד גיבעטין ביא גאָט: וואָס מיינט מען. האָט ריש לָקִיש גיזאָגט דָוִד האָט גיפרעגט ביא דיא אורים ותומים. פון וואַנען ווייסין מיר. האָט רבי אֶלְעָזָר גיזאָגט מיר לערנין אַגזירה שָׁוָה פְּנֵי פְּנֵי דא שטייט דָוִד האָט גיבעטין פְּנֵי ה'. אונ דאָרט שטייט ער זאָל פרעגין ביא אים בְּמִשְׁפַּט הָאוּרִים לִפְנֵי ה': אַזוי וויא דא שטייט אורים ותומים. אַזוי דא ביא דָוִד האָט ער אויך גיפרעגט ביא דיא אורים ותומים. האָט גאָט גיזאָגט צוא דָוִד דער הונגער איז פון וועגין שָׁאוּל אונ פון וועגין דאָס הויז וואָס האָט בלוט פאַר גאָסין ווייל ער האָט גיהַרְגֶת דיא גבעונים. פון וועגין שָׁאוּל וואָס מען האָט איהם ניט מַסְפִּיד גיוועזן וויא דער דין איז. אונ ווייל שָׁאוּל האָט גיהַרְגֶת דיא גבעונים. וואו געפינען מיר אַז שָׁאוּל האָט גיהַרְגֶת דיא גבעונים. נאָר ווייל ער האָט גיהַרְגֶת דיא כֹּהֲנִים פון די שטאָט

הכהנים שהיו מספיקין להם מים ומזון מעלה עליו הכתוב כאלו הרגן. קא תבע אל שאול שלא נספד כהלכה וקא תבע על אשר המית הגבעונים אין דאמר ר"ל מ"ד (צפניה ב) בקשו את ה' כל ענוי ארץ אשר משפטו פעלו באשר משפטו שם פעלו אמר דוד שאול גפקו להו (דף פט) תריסר ירחי שתא ולא דהביה למספדיה נתינים ניקרינהו ונפייסינהו (ש"ב כא) ויקרא המלך לגבעונים ויאמר אליהם וגו' מה אעשה לכם ובמה אכפר וברכו את נחלת ה' ויאמרו לו הגבעונים אין לנו כסף וזהב עם שאול ועם ביתו ואין לנו איש וגו' יותן לנו שבעה אנשים מבניו והוקענום לה' פייסינהו ולא מפייסו אמר דוד ג' סימנים יש באומה זו רחמנין וביישנין וגומלי חסדים רחמנין דכתיב (דברים יג) ונתן לך רחמים ורחמך והרבך ביישנין דכתיב (שמות כ) ובעבור תהיה יראתו על פניכם גומלי חסדים דכתיב (בראשית יח) למען אשר יצוה את בניו ואת ביתו אחריו וגו' כל שיש בו ג' סימנין הללו ראוי להדבק בו אין בו שלשה סימנין הללו אין ראוי להדבק בו:

גשמיכ: כהנים היו מספיקין להם מזון. לגבעונים שהיו חוטבי עצים ושואבי מים למזבח כדכתיב ביהושע ולא יכרת מכם עבד וחוטבי עצים ושואבי מים לבית אלהי: קתבע. הקב"ה בכבוד שאול שלא נספד כהלכה והדר קתבע בפורענותיה דשאול אשר המית וכו': באשר משפטו. במקום שדנין אותם שם מזכירין פועל צדקותיו: תריסר ירחי שתא. לאו דוקא דהא קרוב לחמשין שנין היה שהרי בסוף שנותיו של דוד היה אלא לפי שאין דרך כבוד לספוד אחר י"ב חדשים א"ר בנהקלו הנהומין על המת כדאמר במ"ק: אין לנו. להביא לשאול ולביתו לא כסף ולא זהב כי אם נפשות ואין לנו להמית [מבאר ישראל] כי אם מזרעו: והוקענום. תלייה: באומה זו: ישראל: רחמנים וכו'. והני גבעוני דלא מרחמי אינם ראוין להדבק בהם מיד גזר עליהם דוד שכן נאמר והגבעונים לא מבני ישראל המה:

ויהמול

ויקח.

נוב: וואס זייא פלעגן געבין ברויט אונ וואסער צוא דיא גבעונים. אונ אז דיא כהנים זענען גיהרגת געווארין האבין דיא גבעונים ניט גיהאט צוא עסין. רעכינט דער פסוק אויף שאול גלייך ווייא ער וואלט זייא גיהרגת: פרעגט דיא גמרא גאט האט גימאנט דעם כבוד פון שאול פאר וואס מען האט אים ניט מספיד גיוועזן ווייא דער דין איז. אונ ער מאנט דעם שטראף פון שאול ווייל ער האט גיהרגת דיא גבעונים. ענטפערט דיא גמרא בייא גאט איז אזוי. ווארום ריש לקיש האט גיזאגט עס שטייט אין פסוק איר זאלט בעטין ביי גאט איר אלע פרומע פון דער וועלט אשר משפטו פעלו. ווארום וואו גאט משפט דעם מענטש דארט דער מאנט ער דיא פרומקייט פון מענטש. האט דוד גיענטפערט שאול מספיד זיין איצט קען מען שוין ניט ווארום ער איז שוין מער ווי צוועלף חדשים גשטארבן. דיא גבעונים וועט מען רופען אונ מען וועט זייא איבער בעטין. האט דער מלך גירופען דיא גבעונים אונ האט גיזאגט צוא זייא וואס זאל איך טאהן צוא אייך אונ מיט וואס זאל איך אייך איבער בעטין אז דיא הארב פון גאט וארץ ישראל) זאל גיבענשט ווערין. האבען דיא גבעונים גיזאגט צוא דוד מיר האבען ניט צוא מאנען בייא שאול אונ בייא זיין הויז געזינד ניט קיין זילבער אונ ניט קיין גאלד: אוך פון אלע יודין האבען מיר ניט צוא הרגנן קיין מענטש. נאר מען זאל אונז געבין זיבען מענטשין פון שאולס קינדער וועלין מיר זייא אויף אייננען פאר גאט. האט דוד זייא גיבעטין זייא זאלען דאס ניט טאהן. אונ זייא האבען ניט גיוואלט איבער גיבעטין ווערין: האט דוד גיזאגט דרייא סימנים איז דא ביי יודין: זייא האבען רחמנות. זייא שעמען זיך. אונ זייא טוהען חסד איינער מיט דעם אנדערין. פון וואנען ווייסען מיר אז דיא יודין האבען רחמנות. ווארום עס שטייט אין פסוק גאט וועט געבין רחמנות אין דיין הארץ. דוא זאלסט רחמנות האבען אויף אנדערע מענטשין: וועט גאט אויף דיר אויך רחמנות האבען אונ וועט דיך מעהרין. פון וואנען ווייסען מיר אז דיא יודין שעמען זיך. ווארום עס שטייט אין פסוק דיא מורא פון גאט זאל זיין אויף אייער פנים. איר זאלט אייך שעמען צוא זינדיגען. פון וואנען ווייסען מיר אז זייא טוהען חסד ווארום עס שטייט אין פסוק אברהם וועט געבאטען זיינע קינדער אונ זיינע הויז געזינד זייא זאלען טאהן חסד. דער מענטש וואס האט דיא דרייא סימנים איז ער ווערט מען זאל זיך בהעפטין מיט אים. אונ דער מענטש וואס האט ניט

ח (ש"ב כא) ויקח המלך את שני בני רצפה בת איה אשר ילדה לשאול את ארמוני ואת מפיבשת ואת חמשת בני מיכל בת שאול אשר ילדה לעדריאל בן ברזלי המחולתי מאי שנא הני אמר רב הונא העבירום לפני ארון כל שארון קלטו למיתה כל שאין ארון קלטו לחיים מתיב רב (הונא) [חנא] בר קטינא (שם) ויחמול המלך על מפיבשת בן יונתן בן שאול שלא העבירו וכי מטוא פנים יש בדבר אלא שהעבירו וקלטו רון ובקש עליו רחמים ופלטו. ואכתי משוא פנים יש בדבר אלא שבקש רחמים שלא יקלטנו הארון:

המלך. ולאי בארון הגיא מלתא כיון דלא קלטו ארון מהו תמלתו של דוד ומשני שלא מפניתו: וכי משוא פנים יש בדבר. וכי היה לו לדוד לישא פנים בדיני נפשות היה לו להעביר את כלם: ואכתי משוא פנים יש בדבר. הואיל וקלטו ארון לא היה לו להמית אחר תחתיו: ואל יתחלל שם שמים. שהיו האומות אומרים אין אומה זו ראויה להדבק בה שהרי פשטו ידיהם בגרים ליטול מזונותיהם ולא עשו נקמה בהם:

ט והכתיב (דברים כד) לא יומתו אבות על בנים א"ר חייא בר אבא א"ר יוחנן מוטב שתעקר אות אחת מן התורה ואל יתחלל שם שמים בפרהסיא. (ש"ב כא) ותקח

דיא דרייא סימנים איז ער נית ווערט מען זאל זיך בהעפטין מיט איהם. אונ דיא גבעונים ווייל זייא האבען נית רחמנות דריבער זענען זייא נית ווערט מען זאל זיך בהעפטין מיט זייא:

ח ויקח. דוד המלך האט גינומען דיא צווייא קינדער פון רצפה בת איה וואס זיא האט זייא גיבארין פון שאול. איינער האט גיהייסען ארמוני אונ דער אנדערער מפיבושת. אונ די פינף קינדער פון מיכל דיא טאכטער פון שאול. וואס זיא האט זייא גיבארין פון עדריאל בן ברזלי המחולתי. פאר וואס האט דוד גנומען דיא זיבען קינדער. נית קיין אנדערע. האט רב הונא גיזאגט דוד האט געפירט אלע קינדער פון שאול פאר דעם ארון. דער קינד וואס דער ארון האט איהם אן גנומען איז ער גיוועזן צום הרגנן. אונ דער קינד וואס דער ארון האט איהם נית אן גינומען איז ער גיוועזן צום לעבין: אונ דיא זיבען קינדער זענען אן גינומען גיווארין פון ארון. דריבער האט מען זייא גינומען צום הרגנן. האט רב חנא בר קטינא גיפרעגט עס שטייט אין פסוק דער מלך דוד האט רחמנות גיהאט אויף מפיבושת בן יונתן בן שאול. עס האט זיך דאך גיווענדט אן ארון. אז דער ארון וואלט איהם אן גינומען וואלט מען איהם גימוזט הרגנן: אונ אז דער ארון האט איהם נית אן גינומען טאר מען איהם נית הרגנן: וויא קומט דא דיא רחמנות פון דוד. ענטפערט דיא גמרא דיא רחמנות איז גיוועזן דוד האט איהם גאר נית געפירט פאר דעם ארון. טאמער וועט ער אן גינומען ווערין. פרעגט דיא גמרא האט דען דוד ערליך גיטאהן. מען האט דאך גידארפט נאר זיבען קינדער: טאמער וואלט ער אן גינומען גיווארין וואלט איין אנדערער לעבעדיג געבליבען. נאר אזוי איז גיוועזן דוד האט דעם מפיבושת פון יונתן געפירט פאר דעם ארון אונ דער ארון האט איהם טאקי אן גינומען: האט דוד תפלה גיטאהן האט איהם דער ארון אפ גילאזט. פרעגט דיא גמרא איצט איז דאך אויך נית ערליך גיוועזן. אז דער ארון האט איהם שוין אן גינומען צום הרגנן. האט ער דעם אויס גיבעטין. מען זאל הרגנן איין אנדערין פאר איהם: נאר אזוי איז גיוועזן דוד האט תפלה גיטאן דער ארון זאל איהם נית אן געמען:

ט והכתיב. פאר וואס האט מען גיהרגת דיא זיבען קינדער עס שטייט דאך אין פסוק עלטערין ווערין נית גיהרגת פאר דיא זינד פון דיא קינדער. אונ קינדער ווערין נית גיהרגת פאר דיא זינד פון דיא עלטערין. האט רבי חייא בר אבא גיזאגט פון רבי יוחנן ווען עס איז בעסער עס זאל אויס געריסען ווערין איין אות פון דיא תורה. נאר עס זאל נית פאר שעמט ווערין דער נאמען פון גאט פאר אלע מענטשין. ווארום אלע פעלקער וועלין זאגין דיא אידין זענין נית ווערט מען זאל זיך בהעפטין מיט זייא. ווארום איין פאלק אך אונז דיא

ותקח רצפה בת איה את השק ותטהו לה אל הצור מתחלת קציר עד נתך מים עליהם מן השמים ולא נתנה עוף השמים לנוח עליהם יומם ואת חית השדה לילה והכתיב (דברים כא) לא תלין נבלתו על העץ א"ר יוחנן משום ר"ש בן יהוצדק מוטב שתעקר אות אחת מן התורה ויתקדש שם שמים בפרהסיא שהיו עוברים ושבים אומרים מה טיבן של אלו הללו בני מלכים הם ומה עשו פשטו ידיהם בגרים גרורים אמרו אין לך אומה שראויה להדבק בה כזו ומה בני מלכים כך בני הדיוטות עאכ"ו ומה גרים גרורים כך ישראל על אחת כמה וכמה מיד נתוספו על ישראל מאה וחמשים אלף שנאמר (מ"א ה) ויהי לשלמה שבעים אלף נושא סבל ושמונים אלף חוצב בהר ודלמא ישראל הוו לא ס"ד דכתיב (שם ט) ומבני ישראל לא נתן שלמה עבד ודלמא ריגגר בעלמא אלא מהכא (ד"ה ב' ב) ויספר שלמה [כל האנשים הגרים וגו'] וימצאו מאה וחמשים אלף וגו'. ונתינים דוד גזר עליהם משה גזר עליהם דכתיב (דברים כט) מחוטב

עד ניתך מים עליהם. עד יתנו הגשמים לא נתנם לקבורה. רוגל. שכירים: אלא מהכא ויספר שלמה. כל האנשים [הגרים וגו'] וימצאו מאה וחמשים אלף [וגו'] ויעש מהם שבעים אלף סבל: מחוטב עציך. מדקרינהו לחוטבי עצים בהגשייהו ש"מ לאו בכלל ישראל נינהו ולאו בכלל גרים אלא עבדים ועבדים פסולים נינהו וגבעונים חוטבי עצים ליתנו דלכבי

גבעונים) האבען זיך בהעפט מיט דיא יודין. האבען מענטשין ביא דיא גבעונים צו נעמען זייער פרנסה. אונ מען טוהט גאר ניט קיין נקמה אן דיא מענטשין: אין פסוק שטייט רצפה בת איה האט גינומען דעם זאק אונ זיא האט גיטראגין דעם זאק צום שטיין וואס איז גילעגין געבין דיא גיהאנגענע. אונ זיא איז דארט גיזעסין פון אן הייב שניט ביז עס איז גיגאסען גיווארין אויף זייא וואסער רעגין) פון הימעל. אונ זיא האט ניט גילאזין דיא פויגלען פון הימעל זאלין רוהען אויף זייא ביא טאג. אונ חיות פון פעלד זאלין ניט קומען צו זייא ביא נאכט. פרעגט דיא גמרא עס שטייט דאך אין פסוק דער טויטער קערפער זאל ניט איינגען איף דעם האלץ ביא נאכט. האט רבי יוחנן גיזאגט פון רבי שמעון בן יהוצדק וועגין עס איז בעסער עס זאל אויס גערישען ווערין איין אות פון דער תורה אונ עס זאל גיהייליגט ווערין דער נאמען פון גאט פאר אלע מענטשין. דיא מענטשין וואס וועלין דורך גיין העלין זאגין פאר וואס איינגען דיא מענטשין. זייא זענען דאך קעניגליכע קינדער. וואס האבען זייא גיטאהן: ווען מען זייא ענטפערין ווייל זייערע עלטערין האבען שלעכץ גיטאהן צוא דיא גרים. וועלין דיא מענטשין זאגין עס איז ניטא קיין בעסערע פאלק מען זאל זיך צוא זייא בהעפטין וויא דיא יודין זענין. מאראך זייא האבען אזוי גיטאן צוא קעניגליכע קינדער. וואס וואלטין זייא שוין גיטאהן צוא פראסטע מענטשין. אונ מאראך זייא האבען זיך אזוי אן גינומען פאר גרים. וויא וואלטין זייא זיך שוין אן גינומען פאר יודין. באלד נאך דער זאך איז צוא גיקומען צוא יודין הונדערט מיט פופציג טויזענד גרים אזוי וויא עס שטייט אין פסוק שלמה המלך האט גיהאט זיבעציג טויזענד מענטשין וואס האבען גיטראגען שטיינער ציגול אונ אלץ וואס מען האט גידארפט צום באהען. אונ אכציג טויזענד וואס האבען גיהאקט שטיינער אין בארג. פרעגט דיא גמרא טאמער זענין דיא הונדערט מיט פופציג טויזענד גיוועזן יודין. זאגט דיא גמרא עס קען ניט זיין ווארום עס שטייט אין פסוק פון יודין האט שלמה ניט גיגעבין פאר קנעכט. טאמער זענין זייא גיוועזין גידונגענע. נאר פון דעם פסוק ווייסען מיר. שלמה האט גיצ יילט אלע מענטשין דיא גרים זענין זייא גיוועזין הונדערט מיט פופציג טויזענד. אונ פון זייא האט ער גימאכט זיבעציג טויזענד צום טראגין אונ אכציג טויזענד צוא האקין פון בארג. פרעגט די גמרא הט מען רעדן גידארפט אז דוד זאל גוזר זיין אויף דיא גבעונים זייא זאלין ניט קומען צווישען יודין. משה רבינו האט דאך אויף זייא גוזר גיוועזן זייא זאלין ניט קומען צווישען יודין. ווארום עס שטייט אין פסוק ופרשה נצבים) דיא וואס האקין האלץ. אז ער רעכינט דיא האלץ האקער באזונדער. זענין זייא ניט גירעכונט וויא יודין נאר באזונדער. אונ טארין ניט קומען

דלכי אקליבהו יהושע: תשם גזר עליהם לסכוה דלת. על חוטבי עלים שהיו בימיו: ויתנם יהושע. אלמא עבדים מינהו ויהושע לדורות כבאים גזר דכתיב לא יכרת מהם חוטב עלים: בזמן שבית המקדש קיים. דכתיב ולמזבח ה':
לכהן ולא ללוי. בהמיה כא והאי קרא לויס קאמר: [בני לדוק. ולדוק כהן הוה וקרא לבניו הלוים]:
ר' אלעזר בן עזריה. כהן היה כדאמרינן בברכות שהוא עשירי לעזרא: **עקיבא בתרמילו.** משום דר' עקיבא כעיה דכלבא שבוע הוה: **תרמילו.** המת על פור בשמילי"א בלע"ז ורועה נותן בה פתו והולכה בתלאה: **מפני** מה קנסו לויס במעשר. לגו אלעיל

מחוטב עציך וגו' משה גזר להההוא דרא ודוד גזר לכולי דרא ואבתי יהושע גזר עליהם דכתיב (יהושע ט) ויתנם יהושע ביום ההוא חוטבי עצים וגו' יהושע גזר בזמן שבית המקדש קים דוד גזר בזמן שאין בית המקדש קים:

יש מותרות פרק תשיעי

א (דף פ"ו) **ת"ר** תרומה לכהן ומעשר ראשון ללוי דברי ר' עקיבא. ר' אלעזר בן עזריה אומר (שם ע"ב) לכהן לכהן ולא ללוי אימא אף לכהן מ"ט דר"ע דכתיב (במדבר יח) ואל הלוים תדבר ואמרת אליהם בלוים קא משתעי קרא ואידך כדר' יהושע בן לוי דא"ר יהושע ב"ל בכ"ד מקומות נקראו כהנים לוים וזה אחד מהם (יחזקאל מד) והכהנים הלוים בני צדוק ור"ע וכו'. ההיא גינתא דהוה שקיל ר' אלעזר בן עזריה מעשר ראשון מינה אזל ר' עקיבא אהדרה לפתחא לבי קברי אמר עקיבא בתרמילו ואנא חיי. אתמר מפני

צווישען יודין; און ווען מיינט מען די האלץ האקער. די גבעונים. זאגט די גמרא משה האט נאר גוזר געוועזן אויף די האלץ האקער וואס אין זיין צייט איז געוועזן. אבער אויף זייערע קינדער נים. און דוד האט גוזר געוועזן אויף אייביג. פרעגט די גמרא יהושע האט דאך אויף זיי גוזר געוועזן. ווארום עס שטייט אין פסוק יהושע האט זיי געגעבן אין דעם טאג זיי זאלן האקען האלץ און שעפען וואסער. דאס הייסט זיי זאלן זיין קנעכט. און קנעכט טארין זיך דאך נים מתחתן זיין מיט יודין. ענטפערט די גמרא יהושע האט גוזר געוועזן אזוי לאנג ווי דער בית המקדש וועט זיין. און דוד האט גוזר געוועזן אויף אייביג אפילו ווען דער בית המקדש וועט שוין נים זיין:

פרק תשיעי

א תנו רבנן: די רבנן האבן געלערנט תרומה דארף מען געבין צום כהן; און מעשר ראשון דארף מען געבין צום לוי. אזוי זאגט רבי עקיבא. רבי אלעזר בן עזריה זאגט מעשר ראשון זאל מען געבין צום כהן. פרעגט די גמרא נאר צום כהן און צום לוי נים. נאר מען מיינט צום כהן און צום לוי. צוא וועמען דער בעל הבית וויל גיט ער. פאר וואס זאגט רבי עקיבא אז מעשר ראשון זאל מען געבין נאר צום לוי. ווארום עס שטייט אין פסוק צוא די לוים זאלסטו רידין און זאלסט זאגין צוא זייא. איר זאלט געמען מעשר פון די יודין. שמועסט דער פסוק נאר פון די לוים. און רבי אלעזר בן עזריה זאגט אזוי ווי רבי יהושע בן לוי. אין פיר און צוואנציג ערטער ווערין גירופען די כהנים לוים. דריבער אז אין די תורה שטייט מען זאל געבין מעשר צוא לוים מיינט מען כהנים מיט לוים; צוא וועמען מען וויל זאל מען געבין; איין ארט איז והכהנים הלוים בני צדוק. צדוק מיט זיינע קינדער זענין געוועזן כהנים און דער פסוק רופט זייא לוים. עס איז געוועזן אגארטין וואס רבי אלעזר בן עזריה האט פון איס גינומען מעשר ראשון. רבי אלעזר בן עזריה איז געוועזן א כהן. איז גיגאנגען רבי עקיבא און האט פאר מאכט די טיר פון גארטין. און האט גיעפינט די טיר אין דער זייט וואס צום בית הקברות. א כהן טאר דאך נים גיין אין א בית הקברות. וועט רבי אלעזר נים קענען אריין קומען אין גארטין געמען מעשר; האט רבי אלעזר גיזאגט עקיבא גייט מיט זיין טארבע מיט ברוים ווארום רבי עקיבא איז געוועזן א פאסטוך ביים כלבא שבוע; מיט דעם וועל איך לעבין. מיר האבען געלערנט פאר וואס האט מען גיקנסת די לוים זייא זאלין נים געמען

מה קנסו לוים במעשר פליגי בה ר' (יוחנן) [יונתן] וסביא חד אמר שלא עלו בימי עזרא והד אמר כדי שיסמכו כהנים עליו בימי טומאתן. ומנא לן דלא סליקו בימי עזרא דכתיב (עזרא ח) ואקבצם אל הנהר הבא אל אהוה ונחנה שם ימים שלשה ואבינה בעם ובכהנים ומבני לוי לא מצאתי שם. אמר רב חסדא בתחלה לא היו מעמידין שוטרים אלא מן הלוים שנאמר (דה"ב יט) ושוטרים הלוים לפניכם עכשיו אין מעמידין שוטרים אלא מישראל שנאמר ושוטרים הרבים בראשיכם:

קאי דטעמא דהכא לאו משום קנסא אלא משום דכהנים נמי לוים איקרו כדאמרינן אלא דאמרינן בכמה דוכתי בתלמוד נהר דקבינהו עזרא: ושוטרים הרבים בראשיכם. דהיום ישראל שהם רבים מהלוים:

הפקר ב"ד הפקר. וכל מידי דממונא לאו עקירה היא: וכל אשר לא יבא וגו'. בס' עזרא: וראשי האבות למטות. כ"ל למכתב וראשי מטות בני ישראל:

ת"ש אליו תשמעון. בא להוכיח כנגד מי שאמר אין ב"ד מתנין לעקור דבר מן התורה ומכאן ילפי'

האשה רבה פרק עשירי

א (דף פ"ט ע"ב) **א"ר** יצחק מנין שהפקר ב"ד הפקר שנאמר (עזרא י) וכל אשר לא יבא לשלשת הימים כעצת השרים והזקנים יחרם כל רכושו והוא יבדל מקהל הגולה ר' אלעזר אמר מהכא (יהושע יט) אלה הנחלות אשר נחלו אלעזר הכהן ויהושע בן נון וראשי האבות למטות בני ישראל וכי מה ענין ראשים אצל אבות אלא לומר לך מה האבות מנחילין בניהם כל מה שירצו אף ראשים מנחילין את העם כל מה שירצו:

ב (דף צ) (ע"ב) **ת"ש** (דברים יח) אליו תשמעון אפי' אומר לך עבור על אחת מכל מצות

מעשר. קריגט אין דעם רבי יונתן מיט דיא אלטע לייט. איינער זאגט ווייל זייא האבען ניט גיוואלט אויף גיין פון בבל אין ארץ ישראל אין דיא צייטין פון עזרא: דריבער האט עזרא זייא גיקנסט מען זאל זייא ניט געבין־קיין מעשר. אונ איינער זאגט עזרא האט גיוואלט פאר זארגין אז דיא כהנים וועלין זיין טמא אונ וועלין ניט טארין עסין־קיין תרומה. זאלין זייא האבין צוא עסין מעשר. פון וואנען ווייסען מיר אז אין דיא צייטין פון עזרא זענין דיא לוים ניט אויף גיגאנגען פון בבל אין ארץ ישראל. ווארום עס שטייט אין פסוק עזרא האט גיזאגט איך האב פאר זאמלט דיא יודין צום טייך וואס קומט צוא אהוה אונ מיר האבען דארט גירוהט דרייא טעג אונ איך האב מיך פאר שטאנען אויף דעם פאלק אונ אויף די כהנים. אונ לוים האב איך דארט ניט גיפונען. רב חסדא זאגט אין אנהייב האט מען גימאכט שוטרים נאר פון לוים. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דיא שוטרים וואס זענין לוים זענין פר אייך. איצט מאכט מען ניט־קיין אנדערע שוטרים נאר פון ישראלים. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק איך האב גיגעבין פיל שוטרים אויף אייערע קעפ. פיל שוטרים קענען נאר זיין פון ישראלים. ווארום ישראלים זענין דאך מער וויא לוים:

פרק עשירי

א אמר. רבי יצחק זאגט פון וואנען ווייסען מיר אז בית דין קענען מפקיר זיין אפ־עטרין פאר מעניך. ווארום עס שטייט אין פסוק דער וואס וועט ניט קומען ביז דרייא טעג אזוי וויא דיא שרים אונ דיא זקנים האבען גיהייסען זאל פר ווייסט ווערין זיין גאנץ פארמעגין אונ ער זאל אפ גישיידט ווערין פון דיא יודישע פארזאמלונג. רבי אלעזר זאגט פון דעם פסוק ווייסען מיר: דאס זענין דיא שטעט וואס אלעזר הכהן אונ יהושע בן נון אונ דיא עלצטע פאטערס צוא דיא שבטים פון דיא יודין האבין גימאכט ירשנן. וואס גיהער עלצטע צו פאטערס: נאר דער פסוק זאגט אונז אזוי וויא פאטערס מאכען ירשנן זייערע קינדער וואס זייא ווילען. אזוי דיא עלצטע פון פאלק קענען מאכען ירשנן דעם פאלק וואס זייא ווילען: זייא מעגין נעמען ביי איינעם אונ געבין דעם אנדערין:

מצות שבתורה כגון אליהו בהר הכרמל הכל לפי שעה שמע לו. שאני התם דכתיב אליו תשמעון וליגמר מיניה מגדר מלתא שאני. ת"ש א"ר אלעזר בן יעקב שמעתי שב"ד מכין ועונשין שלא מן הדין ולא לעבור על דברי תורה אלא לעשות סייג לתורה. מעשה באדם אחד שרכב על סוס בשבת בימי יונים והביאוהו לב"ד וסקלוהו לא מפני שראוי לכך אלא שהשעה צריכה לכך. ושוב מעשה באדם אחד שהטיח באשתו תחת התאנה והביאוהו לב"ד והלקוהו לא מפני שראוי לכך אלא שהשעה צריכה לכך מגדר מלתא שאני:

ויסלק כ"ד למעקר דבר מן התורה: דכתיב אליו תשמעון. בנביא אמת כתיב: כגון אליהו בהר הכרמל. שהקריב בבמה בשעת איסור הבמות ואיכא כרם דשתופי חוץ וכרת דסעלוהו: מגדר מלתא: לעשות גדר וחקנה [כי התם] שהסיבן ע"י קך מע"ז: רוכב על סוס. והוא משום שבות: וסקלוהו. שמחלל שבת גמור: צריכה לכך. שהיתה שעה כשמד והיו פרוצין בעבירה: שהטיח. בעל: עם ליה. שהם יוצר מוממ: עלייהו. ותף ע"ג

ג (דף נ"ג) רבי ינאי ה"ל אריסא דהוה מייתי ליה כנתא דפירי כל מעלי שבתא ההוא יומא נגה ליה ולא אתא שקל עשר מפירי דביתיה עלייהו אתא

אגמא דסמקי. אגם של אותו מקום: אגם. מרש"ק בלע"ז עומד במקומו ואינו מים חיים: כמים שיש להם סוף דמי. שאינו יכול לצוף על [פניהם] למרחוק שלכך אם איתא דסליק

אבי ער איז נאר אמאן. מיר האבין גילערונט דיא אלע ווייבער זענען מזנה און אז זייא האבין אקינד זאגין זייא דאס איז פון זייערע מאנען:

פרק ששה עשר

א מתניתין. אין. אז מען האט גיזעהן אגישטארבענעם מענטש וואס ער האט נאך גיהאט דעם גאנצין פנים מיט דעם נאז. מעג מען עדות זאגין אויף אאשה אז איר מאן איז גישטא. בין ׳ און זיא מעג נעמען אמאן. דיא גמרא זאגט דיא רבנן האבין גילערונט אז מען האט גיזעהן דעם שטערין. און ניט דעם פנים. אדער מען האט גיזעהן דעם פנים און ניט דעם שטערין טאר מען ניט עדות זאגין אז דאס איז דער מענטש וואס זייא מיינען. ווארום מען קען אטעות האבין. סיידין מען זאל זעהן דעם גאנצין פנים מיט דעם שטערין מיט דעם נאז. קען מען דער קענען ווער דער מענטש איז גיוועזין. אביי זאגט אנדערע זאגין רב כהנא האט גיזאגט דאס ווייסין מיר פון דעם פסוק דיא דער קענונג פון זייער פנים האט עדות גיזאגט אויף זייא. דיא מענטשין פון ריש גלותא האבין גימאנט געלט בייא אבא בר מרתא דאס איז אבא בר מניומי. האט אבא גינומען אביסול וואקס האט אויף גיקלעבט אויף אטיכול און האט אן גיקלעבט דיא טיכול מיט דיא וואקס אויף זיין שטערין. און איז גיגאנגען פאר בייא דיא מענטשין פון ריש גלותא און זייא האבין אים ניט דער קענט:

ב ההוא. אמענטש איז אמאהל דער טרונקען גיווארין אין דעם זומפ פון דעם ארט סמקי. האט רב שילא גיזאגט זיין ווייב מעג נעמען אמאן. האט רב גיזאגט צו שמואל קום מיר וועלין מחרים זיין רב שילא. האט שמואל גיזאגט מיר וועלין פריער שיקען צו אים פרעגין פאר וואס ער האט אזוי גיטאהן האט מען געשיקט צו אים פרעגין אז אמענטש איז דער טרונקען גיווארין אין אטייך וואס מען זעהט ניט דעם ברעג פון קיין זייט. מעג זיין ווייב נעמען אמאן אדער ניין. האט רב שילא געשיקט זאגין: זיין ווייב טאר ניט נעמען אמאן. האבין זייא נאך געשיקט צו רב שילא פרעגין דער זומפ פון דעם ארט סמקי איז אוואסער וואס מען זעהט אברעג ארום. אדער וואס מען זעהט ניט קיין ברעג ארום. האט רב שילא געשיקט זאגין דער זומפ איז אוואסער וואס מען זעהט ניט קיין ברעג ארום: האבין זייא געשיקט צו רב שילא פאר וואס האסטו גיזאגט אז דיא ווייב פון דעם דער טרונקענעם מעג נעמען אמאן. האט רב שילא גיזאגט איך האב גיהאט אטעות. איך האב גימיינט ווייל דאס איז אשטייענדיג וואסער

אף חזו ליה: גלי אשפליה. למקום רחוק ומשם יצא: לא יאונה לצדיק כל און. שלא באת תקלה אל לידי של רב לנדות את רב שילא: ותשועה ברוב יועץ. תשועה מן הסכנה מפני שנטלתי עצה משמואל: נענעתי לו ראשי. ועבר ע"ג והלך לו: שמנע לו ראשו. ידחה מפני הרעה ולא יתגרה בהן:

הוסר

א: שאין להם סוף שלח להו מים שאין להם סוף הם מ"ט עבדת הכי מטעא טעינא אנא סברי כיון דקוו וקיימי כמים שיש להם סוף דמי ולא היא כיון דאיכא גלי אימור גלי אשפליה קרי שמואל עליה דרב (משלי יב) לא יאונה לצדיק כל און קרי רב עליה דשמואל (שם יא) ותשועה ברוב יועץ:

ג אמר רב אשי הא דאמרי רבנן מים שאין להם סוף אשתו אסורה ה"מ באיניש דעלמא אבל צורבא מרבנן לא אי דסליק קלא אית ליה ולא היא ל"ש איניש דעלמא ול"ש צורבא מרבנן דיעבד אין לכתחלה לא:

ד תניא אמר ר"ג פעם אחת היתי מהלך בספינה וראיתי ספינה אחת שנשברה (בים) והייתי מצטער על ת"ח שבה ומנו ר"ע וכשעליתי ביבשה בא וישב ודן לפני בהלכה אמרתי לו בני מי העלך אמר לי דף של ספינה נזדמן לי וכל גל וגל שבא עלי נענעתי לו ראשי מכאן אמרו חכמים אם יבאו רשעים על אדם ינענע לו ראשו אמרתי באותה

און מען קען ניט שווימען אין דעם וואסער איז דאס אזוי וויא אזאסער וואס מען זעהט ארום אברעג· אז ער וואלט ניט דער טרונקען געווארין וואלט מען אים געזעהן ארויס גיין. ווארום אוועק שווימען ווייט קען ער ניט· אבער עס איז ניט אזוי· ווייל אז עס קומט אווינט ווארפט דער ווינט דיא וואסער ארויף און אראפ· טאמער האט אים דיא וואסער ערגעץ פאר שטויסין און דארט איז ער ארויס געגאנגען לעבעדיג. און לעבט נאך. האט שמואל גילייענט אויף רב צום צדיק וועט ניט טרעפין ער זאל טאהן אאומרעכטע זאך· עס האט דיך ניט געטראפין דו זאלסט אומזיסט מחרים זיין רב שילא. און רב האט גילייענט אויף שמואל דורך פיל עצות ווערט מען געהאלפין ווייל דו האסט מיר געגעבן אזוי א עצה דריבער האב איך ניט מחרים געווען רב שילא:

ג אמר· רב אשי האט געזאגט דאס וואס דיא רבנן האבין גיזאגט אז איינער איז דער טרונקען אין א וואסער וואס מען זעהט ניט ארום דעם ברעג טאר ניט זיין ווייב נעמען איין אנדער מאן. ווארום טאמער איז ער ערגעץ אוועק געשוואומען און איז דארטין ארויס פון וואסער און ער לעבט נאך. דאס איז נאר ביי א פראסטין מענטש. אבער ביי א למדן האבען מיר ניט מורא צו האבען; ווארום אז ער וואלט ארויס געקומען פון וואסער און וואלט געוואוינט אין אפרעמדע שטאט וואלט מען געהערט פון אים· אבער עס איז ניט אזוי דער דין· סיי א פראסטער מענטש איז דער טרונקען געווארין און סיי א למדן. אויב דאס ווייב האט שוין גינומען איין אנדער מאן זאל זיא וואוינען מיט אים. און אויב זיא האט נאך ניט גינומען קיין אנדער מאן. נאר זיא קומט צו בית דין פרעגין אויב זיא מעג נעמען איין אנדער מאן; זאגט מען איר זיא טאר ניט נעמען קיין אנדער מאן:

ד תניא· מיר האבען גילערונט רבן גמליאל האט געזאגט אמאהל בין איך געגאנגען אין א שיף אויפן וואסער· האב איך גיזעהן דיא א שיף איז צוא בראכען געווארין אין וואסער. האב איך גיהאט צער אויף דעם תלמיד חכם וואס איז געווען אין דיא שיף. דאס איז געווען רבי עקיבא. אז איך בין גיקומען אויף דער טרוקענעש. איז גיקומען רבי עקיבא און האט זיך געזעצט פאר מיר און האט גיקלערט אין א דין. האב איך געזאגט צו רבי עקיבא מיין זוהן ווער האט דיך ארויס גינומען פון וואסער. האט רבי עקיבא צו מיר געזאגט א ברעט פון דיא שיף האט זיך מיר געטראפען. האב איך מיך געלייגט אויף דיא ברעט און בין געשוואומען. און יעדער מאל וואסער וואס איז ארויף געפאלען אויף מיר האב איך אראנטער געבויגען דעם קאפ· איז דער מאל אריבער געגאנגען איבער מיר. פון דאנען האבען געזאגט דיא חכמים אויב

באותה שעה כמה גדולים דברי חכמים שאומרים מים שיש להם סוף מותרת מים שאין להם סוף אסורה. תניא א"ר עקיבא פעם אחת הייתי מהלך בספינה וראיתי ספינה אחת שמטרפת בים והייתי מצטער על ת"ח שבה ומנו ר"מ כשעליתי למדינת קפוטקיא בא וישב ודן לפני בהלכה אמרתי לו בני מי העלך אמר לי גל טרדני לחבירו וחבירו לחבירו עד שהקיאוני ליבשה אמרתי באותה שעה כמה גדולים דברי חכמים שאמרו מים שיש להם סוף אשתו מותרת מים שאין להם סוף אשתו אסורה:

ה תנו רבנן מעשה בבתו של נחוניא חופר שיחין שנפלה לבור הגדול ובאו והודיעו לר' חנינא בן דוסא שעה ראשונה אמר להם שלום. שניה אמר להם שלום. שלישית אמר להם עלתה אמר לה בתי מי העלך אמרה לו זכר של רחלים נזדמן לי חקן מנהיגו

חופר שיחין. לעולי רגלים ומים מתכנסים בהם והיו שותין הם ובהמתם: שלום. שעדיין יכולה לחיות וכן בשניה אבל שלישית שאינה יכולה לחיות אמר לכן עלתה שידוע היה לו שלא תמות שם כדלקמן דבר שהיה מתעסק בו אותו צדיק אביה לא יכשל בו זרעו: זכר של רחלים. זה אילו של יצחק: וזקן אחד מנהיגו. זה אברהם: נביא

דיא רשעים קומען אויף אמענטשין. זאל ער איינבייגין דעם קאפ. אונ זאל איבער ווארטין דיא שלעכטע צייט. האב איך גזאגט אין דער צייט וויא גרויס זענין דיא רייד פון די חכמים וואס זייא זאגין אז איינער איז אריין גיפאלען אין אוואסער וואס מען זעהט ארום דעם ברעג. מעג דאס ווייב נעמען איין אנדער מאן. אונ אויב ער איז אריין גיפאדען אין אוואסער וואס מען זעהט ניט דעם ברעג ארום. טאר ניט דאס ווייב געמען קיין אנדער מאן. טאמער איז ער ערגעץ ארויס געשוואמען אונ איז אוועק אין איין אנדער שטאט אונ לעבט נאך. מיר האבען גילערונט רבי עקיבא האט גזאגט אמאהל בין איך גיגאנגען אין אשיף אויף דעם וואסער. האב איך גיזעהן וויא אשיף ווערט צוא בראכען אין ים: האב איך גיהאט צער אויף דעם תלמיד חכם וואס איז גיוועזן אין דיא שיף. דאס איז גיוועזן רבי מאיר: אז איך בין גיקומען אין דיא מדינה קפוטקיא. איז גיקומען רבי מאיר אונ איז גיזעסין פאר מיר אונ האם גיקלערט אין אדין. האב איך גזאגט צו אים מיין זוהן ווער האט דיך ארויס גינומען פון וואסער. האט רבי מאיר צוא מיר גזאגט איין וואל האט מיך גיווארפען צום אנדערין. אונ דער אנדערער וואל האט מיך גיווארפען צום דריטען וואל אונ אזוי איינער צום אנדערין ביז מען האט מיך ארויס גיווארפין אויף דיא טריקענעש האב איך גזאגט אין דער צייט וויא גרויס זענין דיא רייד פון דיא חכמים וואס זייא האבין גזאגט אז איינער איז אריין גיפאלן אין אוואסער וואס מען זעהט ארום דעם ברעג: מעג דאס ווייב נעמען איין אנדער מאן אונ אויב ער איז אריין גיפאלען אין אוואסער וואס מען זעהט ניט דעם ברעג ארום. טאר ניט דאס ווייב נעמען קיין אנדער מאן. טאמער איז ער ערגעץ ארויס געשוואומען אונ איז אוועק אין איין אנדער שטאט אונ לעבט נאך:

ה תנו רבנן. דיא רבנן האבן גילערונט עס איז אמאהל גיוועזן איינער האט גיהייסן נחוניא. ער פלעגט גראבין ברונענס אויף דיא פעלדער אז יודין וועלין גיין אויף יום טוב אין ירושלים זאלין זייא האבען אין וועג וואסער צום טרינקען. איז דיא טאכטער פון נחוניא אמאהל אריין גיפאלען אין אגרויסע גרוב. איז מען גיקומען צו רבי חנינא בן דוסא פרעגין וואס מען זאל טאהן. דיא גרוב איז גאנץ טיף אונ מען קען איר ניט ארויס נעמען. דיא ערשטע שעה האט רבי חנינא גיזאגט עס איז שלום: זיא לעבט נאך. דיא אנדערע שעה האט רבי חנינא גזאגט עס איז שלום. זיא לעבט נאך. דיא דריטע שעה האט רבי חנינא גזאגט זי איז שוין ארויס גיקומען פון גרוב. האט רבי חנינא צו איר גזאגט מיין טאכטער ווער האט דיך ארויס גינומען פון גרוב. האט זיא גזאגט צו רבי חנינא אזכר פון שעפסין איז גיקומען געבין גרוב אונ איין אלטער מאן האט אים געפירט. אונ דער אלטער מאן האט מיך ארויס גינומען פון גרוב:

ונביא אתה. לידע שלא תמות: מתעסק בו. בשורת עשייתו: אעפ"כ מת בנו. של נחוניא בצמא שאף דרכו של מקום לדקדק עם החסידים: וסביביו נשערה. כחוט השערה: עם סביביו. עם צדיקים ההולכים אחריו:
שראו לו דמות אדם. מתהלך כשלעק: בבואה דבבואה. צל צלו: לימדני יונתן שידא. שד היה או בקי בכך:

מנהיגנו אמרו לו וכי נביא אתה אמר להם לא נביא אנכי ולא בן נביא אנכי אלא דבר שהצדיק מתעסק בו יכשל בו זרעו. א"ר אבא אעפ"כ מת בנו בצמא שנא' (תהלים נ) וסביביו נשערה מאד מלמד שהקב"ה מדקדק עם סביביו כחוט השערה ר' חנינא אומר מהכא (שם פט) אל נערץ בסוד קדשים רבה ונורא על כל סביביו:

ז (דף קכב) **מתני׳** מעשה בצלמון באחד שאמר אני [איש] פלוני בן איש פלוני נשכני נחש והרי אני מת והלכו ולא הכירוהו והלכו והשיאו את אשתו:

גמ׳ ודילמא שד הוה אמר רב יהודה אמר רב שראו לו דמות אדם אינהו נמי דמו דחזו ליה בבואה ואינהו נמי אית להו בבואה דחזו ליה בבואה דבבואה ודילמא לדידהו נמי אית להו בבואה דבבואה א"ר חנינא אמר לי יונתן שידא בבואה אית להו בבואה דבבואה לית להו:

סליק מסכת יבמות

תגי

זאם איז געוועזן אברהם אבינו און דער שעפס איז געוועזן דער איל פון יצחק. האט מען געזאגט צוא רבי חנינא דיא ביסט אנביא פון וואנען האסטו געוואוסט אז זיא וועט ניט שטארבן אין גרוב. האט רבי חנינא געזאגט ניט איך בין אנביא און ניט איך בין אזוהן פון אנביא. נאר דיא זאך וואס דער צדיק רבי נחוניא האט געמאכט פון וועגין אמצוה ווער האט געגראבין דיא ברונענס דיא יודין זאלין האבען אין וועג וואסער) וועלין זיינע קינדער ניט שטארבין דורך דיא מצוה. האט רבי אבא געזאגט פון דעסטוועגין איז אזוהן פון רבי נחוניא געשטארבין אין דארשט. ווארום עס שטייט אין פסוק וסביביו נשערה מאוד. דער פסוק לערונט אונז אז גאט ברעכונט מיט די צדיקים וואס ארום אים ווענין ביז איין האר. אז אצדיק טוהט אעבירה אזוי דין ווי אהאר שטראפט אים באלד גאט. רבי חנינא זאגט פון דעם פסוק ווייסין מיר גאט איז פיל געשטארקט אין דיא פאר זאמלונג פון דיא הייליגע. און ער איז פירכטערליך אויף דיא צדיקים וואס ווענין ארום אים:

ז מתניתין. מעשה. עס האט גיטראפען אין דיא שטאט צלמון מען האט גיהערט דיא איינער האט געזאגט איך בין דער מענטש דער זוהן פון דעם מענטש (ער האט געזאגט זיין נאמען און זיין פאטערס נאמען). אשלאנג האט מיך געביסען און איך בין גישטארבין. זענין גגאנגען מענטשין אויף דעם ארט וואס ער האט געזאגט: און מען האט גיזעהן ליגען אטויטין מענטש. מען האט אים אבער ניט דער קענט אויב ער איז דער זעלביגער מענטש וואס ער האט געזאגט. פון דעסטוועגין האט מען גזאגט אז זיין וייב מעג נעמען איין אנדער מאן פרעגט דיא גמרא טאמער איז דאס געווען אשד: האט רב יהודה געזאגט פון רבם וועגין מען האט גיזעהן ווען ער האט געשריגען האט ער גיהאט אגישטאלט פון אמענטש. פרעגט דיא גמרא שדים זעהן אויך אוים וויא מענטשין. זאגט דיא גמרא מען האט גיזעהן פון אים אשאטען. פרעגט דיא גמרא שדים האבען אויך אשאטען. זאגט דיא גמרא מען האט גיזעהן פון זיין שאטען נאך אשאטען. פרעגט דיא גמרא טאמער האבען שדים אויך אשאטען פון אשאטען: האט רבי חנינא געזאגט דער שד יונתן האט מיר גיזאגט דיא שדים האבען נאר איין שאטען אבער אשאטען פון אשאטען האבען זייא ניט:

מסכת כתובות פרק ראשון

(דף ה) **א תני** בר קפרא בתולה נשאת בד' ונבעלת בה' הואיל ונאמרה בו ברכה לדגים אלמנה נשאת בה' ונבעלת בו' הואיל ונאמרה בו ברכה לאדם:

ב דרש בר קפרא גדולים מעשה צדיקים יותר ממעשה שמים וארץ דאלו במעשה שמים וארץ כתיב (ישעיה מח) אף ידי יסדה ארץ וימיני טפחה שמים ואלו במעשה ידיהם של צדיקים כתיב (שמות טו) מכון לשבתך פעלת ה' מקדש ה' כוננו ידיך. השיב בבלי אחד ור' חייא שמו (תהלים צה) ויבשת ידיו יצרו ידו כתיב. והכתיב יצרו אמר ר"נ בר יצחק יצרו אצבעותיו כדכתיב (שם ח) כי אראה שמיך מעשה אצבעותיך. מיתיבי (שם יט) השמים מספרים כבוד אל ומעשה ידיו מגיד הרקיע ה"ק מעשה ידיהם של צדיקים מי מגיד הרקיע ומאי ניהו מטר:

ג דרש בר קפרא מ"ד (דברים כג) ויתד תהיה לך על אזנך אל תקרי אזנך אלא אזניך שאם ישמע אדם דבר שאינו הגון (שם ע"ב) יניח אצבעו באזניו והיינו דא"ר אלעזר מפני מה אצבעותיו של אדם דומות ליתדות מ"ט אילימא משום דמחלקן כל חדא וחדא למלתיה

ונבעלת בה: משתחשך בד' ויכנס ליל ה': ברכה לדגים. פרו ורבו ומלאו את המים: הואיל ונאמרה בו ברכה לאדם. פרו ורבו ומלאו את הארץ:
אף ידי. חדא יד: מקדש. מעשה ידי צדיקים הוא: ה"ק. האי ומעשה ידיו במעשה הצדיקים כתיב שקרוין מעשה ידיהם מעשה ידיו של הקב"ה וה"ק ומעשה ידיו דהוא מעשה הצדיקים מגיד הרקיע שהרקיע מעיד עליהם לבריות שהצדיקים שמתפללים על הגשמים ומטר יורד:
יניח אצבעו. שהיא בפניה כיתד: מ"ט. כלומר במאי דומות כיתדות: אילימא דמחלקן.

א תני. בר־קפרא האט געלערנט אבתולה זאל חתונה האבען מיטוואך פארין נאכט. אונ דיא בעילה זאל זיין דיא נאכט וואס געהער צוא דאנערשטאג. ווייל דאנערשטאג איז געזאגט געווארין אברכה צוא דיא פיש זייא זאלין זיך מערהרין. אאלמנה זאל חתונה האבין דאנערשטאג. אונ די בעילה זאל זיין דיא נאכט וואס געהער צוא פרייטאג. ווייל פרייטאג איז געזאגט געווארין אברכה צו מענטשין זייא זאלין זיך מעהרין:

ב דרש. בר־קפרא האט גידרשת ווס די צדיקים האבן גימאכט איז גרעסער ווי די בשאפונג פון הימעל אונ ערד. ביי די בשאפונג פון הימעל אונ ערד שטייט מיין לינקע האנט הט גימאכט די ערד אונ מיין רעכטע האנט הט גימאכט דעם הימעל. אונ ביי די זאכען ווס די צדיקים האבען גימאכט שטייט דעם מקדש הט גאט אן גיברייט מיט זיינע ביידע הענט. הט איינער פון בבל גיפרעגט. זיין נאמען איז רבי חייא. עס שטייט דאך אין פסוק ויבשת ידיו יצרו. די טריקעניש האבען זיינע הענט בשאפען. איז דאך ביידע הענט. זאגט די גמרא עס שטייט ידו. זיין האנט. איין האנט. פרעגט דיא גמרא עס שטייט דאך יצרו. זייא האבען בשאפען. איז דאך צוויי הענט. האט רב נחמן בר יצחק געזאגט זייא האבען בשאפען מיינט מען דיא פינגער. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק איך זעה דיינע הימלען וואס דיינע פינגע האבען גימאכט. פרעגט דיא גמרא עס שטייט אין פסוק די הימלען דער ציילען דעם כבוד פון גאט אונ דיא ווערק פון דיינע הענט זאגט דער הימעל. אז עס שטייט דיינע הענט. איז דאך צווייא הענט. זאגט די גמרא אזוי מיינט דער פסוק דיא ווערק פון דיא הענט פון די צדיקים ווער זאגט. דער הימעל. דיא ווערק פון די צדיקים איז זייערע גוטע מעשים: דאס זאגט דער הימעל. אז די צדיקים בעטין רעגין גיט דער הימעל רעגין. פון דעם ווייס מען אז זיי זענין צדיקים:

ג דרש. בר־קפרא הט גידרשת עס שטייט אין פסוק ויתד תהיה לך על אזנך. זאלסט ניט לייענען אזנך. נאר זאלסט לייענען אזניך. דיינע אויערין. דו זאלסט האבין אטשוואק ביא דיינע אויערין. אז אמענטש הערט מען הייבט אן צו ריידין ניט גוטע רייד זאל ער אריין שטעקין די פינגער אין די אויערין ער זאל ניט הערין. דס איז אזוי וויא רבי אלעזר הט געזאגט פר וואס זענין דיא פינגער פון אמענטש גליך וויא טשוועקים. פרעגט דיא גמרא מיט וואס זענין די פינגער

למלתיה עבידא דאמר מר זו זרת זו קמיצה זו אמה זו אצבע זו גודל. אלא מ"ט משופות כיתדות שאם ישמע אדם דבר שאינו הגון יניח אצבעותיו באזניו. תנא דבי ר' ישמעאל מפני מה אוזן כולה קשה והאלית (שלה) רכה שאם ישמע דבר שאינו הגון יכוף אליה לתוכה. ת"ר אל ישמיע אדם לאזניו דברים בטלים מפני שהם נכוים תחלה לאברים:

(דף ז ע"ב) **ד אמר** רב נחמן אמר לי הונא בר נתן תנא מנין לברכת חתנים בעשרה שנא' (רות ד) ויקח (בועז) עשרה אנשים ור' אבהו אמר מהכא (תהלים סח) במקהלות ברכו אלהים ה' ממקור ישראל ורב נחמן בהאי קרא דר' אבהו מאי דריש ביה מיבעיא ליה לכדתניא היה ר"מ אומר מנין שאפי' עוברים שבמעי אמן אמרו שירה על הים שנאמר במקהלות ברכו אלהים ה' ממקור ישראל:

(דף ח) **ה רב** (אמי) [אסי] איקלע לבי רב אשי בהלוליה דבריה בריך שית לימא בהא קמיפלגי דמר סבר חדא יצירה הואי ומר סבר ב'

שמחולקת זו מזו ואין מחוברות יחד כו' הדא וחדא למלתיה. קושיא היא כל אחת יש בה צורך ואף נצרכי גבוה: זו זרת. מן הקטנה מודדין זרת של חשן: זו קמיצה. מאצבע שאצל הקטנה מתחילין לקמוץ הופה שלש אצבעות על פס ידו הקמיצה והאמה ואצבע וקומץ: זו אמה. מהגדולה מודדין האמה בנין ואמת כלים: זו אצבע. למתן דמים של חטאת דכתיב ביה באצבעו: זו גודל. לבהן יד דאהרן ומצורע: משופות. אגוייזידא"ש בלע"ז: אליה. בשר שבכוף האוזן: נכוים תחלה לאברים. רכות ודקות לכוות מכולם והכי נמי אמרינן במסכת ע"ז כאי נכרי דחזיר ייכא שרי למיכל אפילו מריש אודניה, אע"פ במחבר לבשל:

שמקור ישראל. על ברכת מקור צריך קהל והיינו עשרה כמו הקהל את העדה ואין הקהל פחות מעדה ועדה עשרה כדילפינן מעדת מרגלים עד מתי לעדה הרעה יצאו יהושע וכלב.

בריך שית. יוצר האדם הוסיף: חדא יצירה הואי. כמ"ד בעירובין ויבן את הצלע פרצוף שמתחלה

גליך צו טשוועקים: זאלין מיר זאגין ווייל זיי זענין אפ געטיילט איינער פון אנדערין. יעדער פינגער איז בזונדער. יעדער פינגער איז דאך געמאכט געווארין צו זיין זאך. ווארום דער תנא האט געזאגט די קליינער פינגער הייסט זרת. דער אנדערער פינגער הייסט קמיצה. דער דריטער פינגער הייסט אמה. דער פערטער פינגער הייסט אצבע. דער גראבער פינגער הייסט גודל. נאר אזוי פרעגט רבי אלעזר פאר וואס זענין די פינגער שפיציג אזוי ווי טשוועקים. אז א מענטש הערט מען הייבט אן צו ריידין ניט גוטע רייד זאל ער אריין שטעקין די פינגער אין די אויערין ער זאל ניט הערין. דבי רבי ישמעאל האבען געלערנט פאר וואס איז דער אויער אין גאנצין הארט. און דיא אונטערשטע שטיקול איז ווייך. אז ער וועט הערין מען הייבט אן צוא ריידין ניט גוטע רייד זאל ער אריין בייגין דיא אונטערשטע שטיקול דיא ווייכע אין אויער. ער זאל ניט הערין: דיא רבנן האבען געלערנט א מענטש זאל ניט מאכען הערין ליידיגע רייד צו זיינע אויערין. ווייל זיי ווערין אפ געברים פון דיא עבירה פריער וויא אלע גלידער:

ד אמר. רב נחמן האט געזאגט הונא בר נתן האט מיר געזאגט מיר האבין געלערנט פון וואנען ווייסין מיר אז ביי דיא ברכות פון חתן כלה דארף זיין צעהן מענטשין. ווארום עס שטייט אין פסוק בועז האט גענומען צעהן מענטשין. רבי אבהו זאגט פון דעם פסוק ווייסין מיר במקהלות ברכו אלהים ה' ממקור ישראל. ווען מען לויבט צו גאט ווענין דעם קוואל פון קינדער, דאס איז אויף א חתונה: דארף זיין די לויבונג ביי א פאר זאמלונג פון צעהן מענטשין: פרעגט די גמרא וואס דרשת רב נחמן מיט דעם פסוק וואס רבי אבהו האט גיברייננגט. זאגט די גמרא רב נחמן דארף דעם פסוק צוא דער זאך וואס מיר האבין גילערנט. רבי מאיר זאגט פון וואנען ווייסין מיר אז אפילו די קינדער וואס זענין געוועזן ביי זייער מוטער אין בויך האבין געזאגט שירה ביי דעם ים. ווארום עס שטייט אין פסוק אין פאר זאמלונג ווען דיא יודען זענין געוועזן פארזאמעלט ביי דעם ים) האבין זיי געלויבט גאט. אפילו די קינדער וואס זענין געוועזן אין מקור (אין בויך פון זייער מוטער) האבין אויך געלויבט גאט:

ה רב אסי איז געוועזן ביי רב אשי אויף דער חתונה פון זיין זוהן. האט רב אסי געזאגט זעקס ברכות. זאגט די גמרא וועלין מיר זאגין אז זיי קריגען אין דעם. דער וואס זאגט נאהר

ב׳ יצירות הוו לא דכ״ע חדא יצירה הואי מר סבר בתר מחשבה אזלינן ומר סבר בתר מעשה אזלינן. כי הא דרב יהודה רמי כתיב (בראשית א) ויברא אלהים את האדם בצלמו וכתיב (שם ה) זכר ונקבה בראם הא כיצד בתחלה עלה במחשבה לבראות שנים ולבסוף נברא אחד:

ז רבי חייא בר אבא מקרי בניה דריש לקיש הוה ואמרי לה מתני בריה דר״ל הוה שכיב ליה ינוקא יומא קמא לא אזיל לגביה למחר דבריה ליהודה בר נחמני מתורגמניה א״ל קום אימא מלתא כל קבל ינוקא פתח ואמר (דברים לב) וירא ה׳ וינאץ מכעס בניו ובנותיו דור שאבות מנאצין להקב״ה כועס על בניהם ועל בנותיהם ומתים כשהם קטנים וא״ד בחור הוה וה״ק ליה (ישעיה ט) על כן על בחוריו לא ישמח ה׳ ואת יתומיו ואת אלמנותיו לא ירחם כי כלו חנף ומרע וכל פה דובר נבלה בכל זאת לא שב אפו ועוד ידו נטויה מאי ועוד ידו נטויה אמר רב חנן בר רב הכל יודעין כלה למה נכנסה לחופה אלא כל המנבל פיו
ומוציא

בריית נבראת ב׳ פרצופין זכר מלפניו ונקבה מאחור: ב׳ יצירות. כמ״ד זכר היה ינתמו נבראת האשה והרי כאן ב׳ יצירות: בתר מחשבה אזלינן. שב׳ עלו במחשבה ליבראת ונבראת אחד בערובין בפ׳ עושין פסין:
אמר ליה. למתורגמניה: כל קביל ינוקא. לנגד המאורע דברים נהומים על מיתת הילד: וירא ה׳. מה עשו אבות: וינאץ מכעס. שהכעיסוהו וגרמו לו לפקוד על בניהם ובנותיהם: ואית דאמרי. לא תינוק היה המת אלא בחור היה וכן קרא אמר על כן על בחוריו וגו׳: של ע׳ שנה. ועוד דריש כמו ועד עולמו של אדם נטויה נהפכת מטוב לרע: אפא לנחומי נעורי קא מגער ליה. בתמיה מוכית
על

איין מאהל יוצר האדם האלט אז עס איז נאר געוועזן איין באשאפונג: אדם מיט חוה זענען באשאפען געווארען ביידע מיט איין מאהל. איין מענטש מיט צוויי פנימער: פון פאראנט איין זכר און פון אינטען א נקבה. און דער וואס זאגט צוויי מאהל יוצר האדם האלט עס איז געוועזן צוויי באשאפונגען. פריער איז באשאפען געווארען אדם אליין און פון איהם איז באשאפען געווארען חוה: זאגט די גמרא ניין. מען קען זאגען אלע האלטען עס איז נאר געוועזן איין באשאפונג: נאהר דער וואס זאגט צווייא מאהל יוצר האדם האלט אז מיר גייען נאך דעם וויא גאט האט געטראכט צו טאהן: און גאט האט געוואלט באשאפען אדם באזונדער און חוה באזונדער. און דער וואס זאגט נאר איין מאהל יוצר האדם האלט אז מיר גייען נאך דעם וויא גאט האט באשאפען. ביידע איין באשאפונג. אזוי וויא רב יהודה האט געפרעגט אין איין פסוק שטייט גאט האט באשאפען דעם מענטש אין זיין פארעם. איז נאר איינער באשאפען געווארען. און עס שטייט אין איין אנדער פסוק גאט האט באשאפען איין זכר מיט א נקבה צוזאמען מיט איין מאהל. נאר אזוי איז געוועזן אין אנהייב האט גאט געטראכט צו באשאפען צוויי מיט איין מאהל: דער נאך איז נאר באשאפען געווארען איינער. אדם אליין:

ז רבי חייא בר אבא האט געלערנט תנ״ך מיט דעם קינד פון ריש לקיש. אנדערע זאגען רבי חייא האט געלערנט משניות מיט דעם קינד פון ריש לקיש. איז ביי רבי חייא געשטארבען א קינד. דעם ערשטען טאג איז ריש לקיש ניט געגאנגען צו רבי חייא מנחם אבל זיין: אויף מארגען האט ריש לקיש מיט גענומען זיין מתורגמן יהודה בר נחמני און זענען געקומען צו רבי חייא איהם מנחם אבל זיין. האט ריש לקיש געזאגט צו יהודה בר נחמני זאג עפעס געגען דאס שטארבען פון דעם קינד. האט יהודה געזאגט עס שטייט אין פסוק גאט האט געזעהן האט ער געצערענט פון דעם כעס פון זיינע זיהן און זיינע טעכטער. אז די עלטערין דער צערינען גאט ווערט גאט אין כעס אויף זייערע זיהן און אויף זייערע טעכטער און זיי שטארבען ווען זייא זענען נאך קליין: אנדערע זאגען ניט א קינד איז געשטארבען ביי רבי חייא נאר א בחור איז געשטארבען און אזוי האט יהודה בר נחמני געזאגט. עס שטייט אין פסוק דריבער וועט זיך גאט ניט פרייען אויף זיינע יונגע לייט און אויף זיינע יתומים און אויף זיינע אלמנות וועט ער ניט רחמנות האבען. ווייל אלע זענען פאלש און שלעכט און אלע מיילער ריידען מיאוסה רייד. און מיט דעם אלעם האט זיך נאך זיין כעס ניט צוריק געקערט. און זיין האנט איז גענייגט נאך שלעכטץ צו טאהן. פר וואס. האט רב חנן בר רב געזאגט אלע ווייסען צו וואס א כלה גייט צו דער חופה. נאר דער וואס פאר

על פניו שבשביל פוס פת נס : השיב את לאתפוסי אדרא. חשוב אתה למעוה להופכך ואת בניך בעון הדור דקי"ל בזמן שהצדיקים בדור צדיקים נתפסין על הדור שנאמר וממקדשי תחלו : האל הגדול ברוב גדלו. בברוך פתח בה ברוך אתה ה' אמ"ה האל הגדול וכו' : אחינו (המנוגעים) [המיוגעין] מ'. ברכה הכמוכה להכרתה היא וכן כדורות על הסדר : באבל הזה תנו לבבכם לחקור זאת שזאת עומדת לעד. שהכל מתים ולא תבכו יותר מדאי:

ומוציא דבר נבלה מפיו אפי' נחתם לו גזר דינו של ע' שנה לטובה נהפך עליו לרעה. אתא לנחומי צעורי קא ומצער ליה. ה"ק ליה חשיב את לאתפוסי אדרא. א"ל קום אימא מלתא כנגד שבחו של הקב"ה פתח ואמר האל הגדול ברוב גודלו אדיר וחזק ברוב נוראות מחיה מתים במאמרו עושה גדולות עד אין חקר ונפלאות עד אין מספר בא"י מחיה המתים. א"ל קום אימא מלתא כנגד אבלים פתח ואמר אחינו (המנונעין) [המיוגעין] והמדוכאין באבל הזה תנו לבבכם לחקור את זאת זאת היא עומדת לעד נתיב הוא מששת ימי בראשית רבים שתו רבים ישתו כשתה ראשונים כך משתה אחרונים אחינו בעל נחמות ינחם אתכם ברוך מנחם אבלים אמר אביי רבים שתו לימא רבים ישתו לא לימא משתה ראשונים לימא משתה אחרונים לא לימא דא"ר שמעון בן לקיש וכן תנא משמיה דר' יוסי לעולם אל יפתח אדם פיו לשטן אמר רב יוסף מאי קראה (ישעיה א) כסדום היינו לעמורה דמינו מאי אהדר ליה (שם) שמעו דבר ה' קציני סדום וגו'. א"ל קום אימא מלתא כנגד מנחמי אבלים

מיאוסט זיין מויל אונ רעט מיאוסה רייד. אפילו עס איז אויף איהם גיחתמת געווארן אז איהם זאל גוט זיין די גאנצע זיבעציג יאהר. ווערט דאס פארקערט אויף איהם צו שלעכטץ. פרעגט דיא גמרא יהודה איז געקומען צו רבי חייא ער זאל איהם טרייסטען. גיט ער איהם נאך מער צער. ער זאגט איהם אז פאר זיינע עבירות איז זיין זוהן געשטארבען. ענטפערט די גמרא אזוי האט געזאגט יהודה בר נחמני. דיא עבירות ווענין געשטא ביי דיר נאר ביי אנדערע מענטשין. נאר דוא אונ דיין זוהן ווענט איהר געשטראפט געווארין פאר אנדערע מענטשין; ווייל איהר זענט צדיקים אונ די צדיקים ווערין געשטראפט פאר די רשעים. דער נאך האט ריש לקיש געזאגט צו יהודה בר נחמני זאג עפעס קעגין די לויב פון גאט. האט יהודה אנגיהייבין צו זאגין ער איז א גאט וואס ער איז גרויס מיט זיין פיל גרויסקייט. ער איז שטארק מיט פיל פארכטיגקייט. ער מאכט לעבעדיג די טויטע מיט זיין זאג. ער טוהט גרויסקייט ביז אן אפארשטונג. ער טוהט וואנדער ביז אן אצאהל; געלויבט ביסטו גאט וואס דו מאכסט לעבעדיג די טויטע. דער נאך האט ריש לקיש געזאגט צוא יהודה בר נחמני זאג עפעס קעגין דיא אבלים. האט יהודה אן געהויבין צוא זאגין. אונזערע ברידער וואס זענין אפ גימאטערט אונ צוא שטויסין אין דעם טרויערקייט גיט אייערע הערצער איהר זאלט נאך פארשטין די זאך; דאס איז אזאך וואס שטייט אויף אייביג; דיא וועג איז פון דער צייט וואס די וועלט איז בשאפין געווארין; פיל האבין שוין געטרונקען. פיל וועלין טרינקען; אזוי ווי די ערשטע האבין געטרונקען; וועלין די לעצטע טרינקען. דריבער דארפט איר ניט וויינען צו פיל. אונזערע ברידער. גאט וואס ער איז דער בעל הבית פון אלע טרייסטונג זאל אייך טרייסטין. געלויבט איז גאט וואס ער טרייסט דיא טרויעריגע. אביי זאגט פיל האבין געטרונקען מעג מען זאגין. פיל וועלין טרינקען זאל מען ניט זאגין; דיא ערשטע האבין געטרונקען מעג מען זאגין. דיא לעצטע וועלין אויך טרינקען זאל ער ניט זאגין. ווארום רבי שמעון בן לקיש האט געזאגט אונ אזוי האט מען געלערנט פון רבי יוסים ווענין אמענטש זאל ניט עפענען זיין מויל צום שטן. אמענטש זאל ניט ריידין שלעכטץ אויף זיך אליין. ווארום דער שטן וועט זאגין פאר גאט דער מענטש פארלאנגט מען זאל אים געבין שלעכטץ פאר וואס זאל מען אים דאס ניט געבין. רב יוסף האט געזאגט דאס ווייסין מיר פון פסוק דער נביא האט געזאגט מיר זענען געווארין וויא סדום מיר זענען גליך צוא עמורה. וואס האט מען געענטפערט צום נביא. הערט דיא רייד פון גאט איר גרויסע לייט פון סדום אונ איר פאלק פון עמורה: דער נאך האט געזאגט ריש לקיש צו יהודה בר נחמני זאג עפעס קעגין דיא מענטשין

אבלים פתח ואמר אחינו גומלי חסדים בני גומלי חסדים המחזיקים בבריתו של אברהם אבינו (שנאמר (בראשית יח) כי ידעתיו למען אשר יצוה את בניו ואת ביתו וגו') אחינו בעל הגמול ישלם לכם גמולכם ברוך אתה משלם הגמול, א"ל קום אימא מלתא כנגד כל ישראל פתח ואמר רבון העולמים פדה והצל מלט והושע עמך ישראל מן הדבר ומן החרב ומן הביזה ומן השדפון וכן הירקון ומכל מיני פורעניות המתרגשות ובאות בעולם טרם נקרא ואתה תענה ברוך אתה עוצר המגפה:

ז **תניא** בראשונה היתה הוצאת המת קשה לקרוביו יותר ממיתתו עד שהיו מניחין אותו ובורחין עד שבא ר"ג ונהג קלות בעצמו והוציאוהו בכלי פשתן ונהגו כל העם אחריו להוציא בבלי פשתן א"ר פפא והאידנא נהוג עלמא אפי' בצרדא בר זוזא:

(דף ס) ח **אמר** רב שמואל בר נחמני אמר רבי יונתן (ע"ב) כל היוצא למלחמת בית דוד גט כריתות כותב לאשתו דכתיב (ש"א יז) ואת אחיך תפקוד לשלום ואת

משתה לאבלים לימא. משתה לאבלים מאי: בבריתו של אברהם. בגמל חסדים דכתיב ויטע אשל בבאר שבע ר"ת אכילה שתיה לויה: הוצאת המת. שהיו קוברים אותו בכלים יקרים כגון שיראין וסריקות: בצרדא בר זוזא. בגד קנבוס שאינו שוה אלא דינר: גט כריתות כותב לאשתו. שאם ימות במלחמה יהא גט מיום כתיבתו: דכתיב. במלחמת שאול ואת אחיך וגו' ודוד למד מישי אביו להנהיג שלא

מענטשן וואס זענען גיקומען טרייסטן דעם אבל. האט יהודה אנגיהויבן צו זאגן. אונזערע ברידער וואס איר האט ליב צו טאהן חסד. אונ איר זענט קינדער פון אזעלכע עלטערין וואס האבין ליב גיהאט צו טאהן חסד זייא האלטין דיא מצות פון אברהם אבינו. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק גאט זאגט איך האב ליב אברהם ווייל ער וועט געביטען צוא זיינע קינדער אונ צו זיין הויז געזינד זייא זאלין היטען דיא וועג פון גאט צו טאהן צדקה אונ משפט. אונזערע ברידער. גאט וואס ער איז דער בעל הבית פון אלע טובות: זאל ער אייך בצאהלין פאר אייערע טובות. גלויבט ביזטו גאט וואס דוא בצאהלסט יעדער מענטש פאר זיין גוטסקייט. דער נאך האט גיזאגט ריש לקיש צו יהודה בר נחמני זאג עפעס געגין אלע יודין. האט יהודה אנגיהויבין צוא זאגין. גאט וואס דוא ביסט דער האר פון אלע וועלטין לייז אויס אונ זייא מציל רעטע אונ העלף דיין פאלק ישראל פון אמגפה אונ פון שווערד אונ פון רויב אונ פון תבואה אויס קלאפונג: אונ דיא תבואה זאל ניט קאליע ווערין. אונ זאלסט זייא היטען פון אלע שלעכין וואס עס שטורעמט אונ עס קומט אויף דער וועלט. איידער מיר וועלין רופין זאלסטו ענטפערין. גלויבט ביסטו גאט וואס דו האלסט אויף עס זאל ניט קומען אמגפה:

ז תניא: מיר האבין גילערונט אין אנהייב איז גיוועהן דאס בגרעבענים פון מת ערגער בייא דיא משפחה וויא זיין שטארבין. ווייל מען פלעגט בגראבין דעם טויטין אין טייערע קליידער. וואס עס האט גיקאסט פיל געלט. אונ דיא משפחה פלעגין לאזין ליגען דעם טויטען אונ פלעגין אנטלויפין. ביז רבן גמליאל איז גיקומען אונ האט גיזאגט פאר זיין טויט מען זאל אים בגראבין אין פראסטע ליינוואנדענע קליידער. נאך אים האט מען שוין אלע מענטשין בגראבין אין פראסטע ליינוואנדענע קליידער. רב פפא זאגט היינט פירט זיך דיא וועלט מען בגראבט אין אפראסטע קלייד אפילו זיא איז נאר ווערט איין גילדין:

ח אמר. רב שמואל בר נחמני האט גיזאגט פון רבי יונתן וועגין דער וואס איז גיגאנגען אין דיא מלחמה פון דוד המלך פלעגט ער פריער געבין זיין ווייב טאמער וועט ער שטארבין אין דער מלחמה. ער וועט גיהרגת ווערין אונ עס וועט ניט זיין קיין עדות אז ער איז גישטארבין וועט דאך זיין ווייב ניט קענען נעמען אמאן. ווארום עס שטייט אין פסוק בייא דיא מלחמה פון שאול האט ישי גיזאגט צו דוד דו זאלסט זעהן דעם פרידען פון דיינע ברידער

ואת ערובתם תקח מאי ואת ערובתם תקח תני רב יוסף דברים המעורבים בינו לבינה :

ט מאי אלמנה אמר רב חנא בגדתאה ע"ש מנה אלמנה מן האירוסין מאי איכא למימר איידי דהא קרי לה אלמ נה הא נמי קרי לה אלמנה דכתיבא ׳ באורייתא מאי איכא למימר דעתידין רבנן דמתקני לה מנה ומי כתיב קרא לעתיד אין דכתיב (בראשית ב) ושם הנהר השלישי חדקל הוא ההולך קדמת אשור ותנא רב יוסף אשור זו סליקא ומי הואי אלא דעתידה ה"נ דעתידה :

י ואמר רב חנא בגדתאה מטר משקה מרוה ומזבל ומעדן וממשיך אמר רבא בר ישמעאל ואיתימא רב יימר בר שלמיא מאי קראה (תהלים סה) תלמיה רוה נחת גדודיה

ביולאין למלחמותיו עושין כן : דברים המעורבין בינו לבינה . אלו קדושין : תקח . תטול מביניהם על ידי גט :
בגדתאה . דמן בגדת : על שם מנה . שאם נשאת משנתאלמנה אין לה כתובה אלא מנה :
דכתיבא באורייתא . ועדיין לא נתקנו כתובות: ומי כתיב קרא . לקרות על שם דבר העתיד : זו סליקא . שם עיר : ומי הואי . בימים בבריאת עולם דכתיב ההולך וגו' :
ומזבל . את הארץ: מעדן . נותן עדנה וזיו בפירות: תלמיה . של א"י : רוה נחת גדודים .

און דוא זאלסט נעמען ערובתם . וואס מיינט מען ערובתם ; האט רב יוסף גילערונט ישי האט גיזאגט צו דוד דו זאלסט נעמען פון דיינע ברידער די זאכין וואס פאר מישען דיינע ברידער מיט זייערע ווייבער . דאס מיינט מען דוא זאלסט נעמען פון ב יינע ברידער די קידושין וואס זיא האבין מקדש גיוועזן זייערע ווייבער . וויא אזוי וועט ער צו נעמען די קידושין . ער וועט נעמען ביא זיא גטין פאר זייערע ווי בער . און ווייל דוד האט אזוי גילערונט פון זיין פאטער ישי דריבער האט דוד אן גיזאגט ביא זיינע מלחמות יעדער מענטש איידער ער וועט גיין אין דער מלחמה זאל ער גטין זיין ווייב אויף אתנאי . אויב ער וועט קומען צוריק איז זיא זיין ווייב . און אויב ער וועט גיהרגעט ווערין אין דיא מלחמה זאל זיא זיין גיגט פון איצט :

ט מאי ; פאר וואס רופט מען אשה וואס איר מאן איז גישטארבין אלמנה . האט רב חנא בגדתאה גיזאגט ווייל אז זיא וועט איצט חתונה האבין וועט זיין איר כתובה נאר מנה . הונדערט גילדין . פרעגט דיא גמרא אכלה וואס איר חתן איז גישטארבין פאר וואס רופט מען איר אלמנה . אז זיא וועט איצט נעמען אמאן וועט דאך זיין איר כתובה צוויא הונדערט גילדין . ענפערט דיא גמרא ווייל מען רופט דיא וואס איהר מאן איז גישטארבין נאך דער חתונה אלמנה . רופט מען די א כלה וואס איר חתן איז גישטארבין אויך אלמנה . פרעגט די גמרא פאר וואס שטייט אין דיא תורה דערווארט אלמנה אין דער צייט וואס דיא תורה איז גיגעבין גיווארין איז דאך נאך ניט גיוועזן קיין כתובה . ענפערט דיא גמרא ווייל דיא תורה האט גיוואסט אז דיא רבנן וועלין מאכין אתקנה אז איר כתובה זאל זיין נאר הונדערט גילדין . פרעגט דיא גמרא שרייבט דען דיא תורה אנאמען אויף וואס עס וועט זיין ; זאגט דיא גמרא יא . דיא תורה שרייבט אזוי . ווארום עס שטייט אין פסוק דער נאמען פון דעם דריטען טייך איז חדקל ; ער גייט אין מזרח זייט פון אשור . און רב יוסף האט גילערונט אשור מיינט מען דיא שטאט סליקא . איז דען דיא שטאט סליקא גיוועזן גיבאהט ווען דיא וועלט איז בשאפען גיווארין . נאר די תורה רופט שוין דיא שטאט אשור (דאס איז סליקא) ווייל זיא וועט אמאל גיבאהט ווערין . אזוי אויך רופט דיא תורה דיא ווייב וואס איר מאן איז גישטארבין אלמנה . ווייל אאלמנה וועט אמאהל נעמען כתובה הונדערט גילדין :

י ואמר . נאך האט גזאגט רב חנא בגדתאה פאר וואס רופט מען רעגין מטר . ווייל משקה . דער רעגין טרינקט אן דיא ערד . און מרוה . ער מאכט איר זאט . און מזבל . ער מיסט אוים דיא ערד . און מעדן . ער גיט אגישמאק און אשיינקייט אין דיא פירות . און ממשיך . ער ציהט ארויס דיא פירות פון דיא ערד ; און פון בוים . רבא בר ישמעאל האט גזאגט . און אנדערע זאגין רב ייםר בר שלמיה האט גזאגט ; דאס ווייסען מיר פון דעם פסוק דוד המלך האט גיבעטען

גדודיה ברביבים תמוגגנה צמחה תברך. א"ר אלעזר מזבח מזיח ומזין מחבב ומכפר מכפר היינו מזיח מזיח גזירות ומכפר עונות:

יא וא"ר חנא בגדתאה תמרי משחנן משבען משלשלן מאשרן ולא מפנקן אמר רב אכל תמרים אל יורה מיתיבי תמרים שחרית וערבית יפות במנחה רעות בצהרים אין כמיתן ומבטלות שלש דברים מחשבה רעה וחולי מעים ותחתוניות מי אמרי' דלא מעלו עלויי מעלו ולפי שעתא טרדא מידי דהוה אחמרא דאמר מר השותה רביעית יין אל יורה ואב"א לא קשיא הא מקמי נהמא הא לבתר נהמא דאמר אביי אמרה לי אם תמרי מקמי נהמא כי נרגא לדקולא בתר נהמא כי עברא לדשא. דשא אמר רבא דרך שם. דרגא אמר רבא

כאשר ברביבים תמוגגנה רוה (הוה) [הרי] מנקה ומרוה: תמוגגנה. הרי מזבח: מעדן וממשיך. את הפירות נפקא מלגנחה תברך: מזיח. קא סלקא דעתיה מזיח עונות: מזין. בזכות הקרבנות העולם זון שהקרבנות באין מן המזון וגורמין לו ברכה: מחבב. את ישראל אל אביהם: היינו מזיח היינו מכפר. הי ניהו מזיח הי ניהו מכפר: מזיח גזרות. רעות מעל ישראל:
משחן. מחממן: משלשלן. שלשול: מאשרן. מחזיקות כח כמו אשרו חמוץ: ולא מפנקן. אין מרבות אסטניסות על הלב וכן לשבת: אל יורה. שום הוראה לפי שטורדות דעתו כשכור: שחרית וערבית יפות. כלומר דמלתא לאחר אכילה יפות שחרית דרכן של בני אדם בפת שחרית כדאמ' בהשוכר ערבית לאחר האכילה: במנחה רעות. שהן קודם אכילה לאחר שינת הצהרים: בצהרים. לאחר הסעודה שאכל ושבע: אין כמותם. וטובות יותר מערבית לפי שאינו מעורב ביום מוליך לשדות לבית הכסא בכל עת שירצה אבל בלילה טורח הוא לו: מבטלות מחשבה רעה. דאגה לפי שמשמחות את הלב והרים שעת תורה וזהו היה: כי עברא לדשא. מחזיקות

אירע בייטען מאך זאט מיט וואסער. בערוהיג דיא מענטשין. מיט דיא טראפין רעגין מאכסטו פייכט דיא ערד. דוא טוהסט בענטשין אירע שפראצונג. רבי אלעזר האט גזאגט מזבח מאכט מזיח. ער פאר רוקט דיא עבירות. מזין. ער שפייזט. אין דעם זכות פון קרבנות ווערט גישפייזט דיא וועלט. מחבב. ער מאכט ליב דיא יודין צו גאט. מכפר. מען איז מוחל דיא עבירות, פרעגט דיא גמרא מכפר איז דאך דאס זעלביגע וואס מזיח. מזיח איז דער טייטש ער טוהט אפ דיא עבירות: אונ מכפר איז דער טייטש ער טוהט אפ דיא עבירות. ענטפערט דיא גמרא מזיח מיינט מען ער שטויסט אפ שלעכטע גזרות פון יודין. אונ מכפר מיינט מען ער טוהט אפ דיא עבירות:

יא ואמר. נאך האט גיזאגט רב חנא בגדתאה טייטלען אז מען עסט. דער ווארעמען זייא דעם מענטש. אונ מאכען אים זאט. אונ זייא מאכען לויז דעם מאגען. אונ זיי שטארקין דעם מענטש. אונ זיי מאכען ניט קיין איידעלקייט אויף דאס הארץ. נאר דאס הארץ איז שטארק. רב האט גיזאגט אז מען האט גיגעסין טייטלען זאל מען ניט פסקנן אדין. ווייל טייטלען פאר מישען דעם שכל אונ ער ווערט אזוי וויא שכור. פרעגט דיא גמרא מיר האבען גילערונט אז מען עסט טייטלען אין דער פריא נאך דעם עסין אונ בייא נאכט נאך דעם עסין. איז גוט. פארין נאכט פאר דעם עסין אז מען עסט טייטלען איז שלעכט: אז מען עסט טייטלען אין מיטען טאג נאך דעם עסין איז גאר נישטא וויא גוט דאס איז. אונ דיא טייטלען שטערין דרייא זאכען. שלעכטע גידאנקין אונ זארג. אונ מאגען קראנקייט: אונ מארידען: ענטפערט דיא גמרא זאגין: מיר דען אז טייטלען איז ניט גוט. טייטלין איז טאקי זייער גוט: נאר אז מען עסט פיל טייטלען מאכט דאס שכור דעם מענטש אויף אקורצע צייט: אזוי וויא וויין האט אויך דער רבי גזאגט אז מען טרינקט אקוואטירל וויין זאל מען ניט פסקנן אדין. פון דעסטוועגין איז וויין גאנץ גיזונד צום טרינקען. אונ אויב דוא ווילסט וועל איך דיר זאגין עס איז ניט קיין קשיא אז מען עסט טייטלען פאר דעם עסין פאר מישט דאס דעם שכל. אונ אז מען עסט טייטלען נאך דעם עסין: פאר מישט ניט דעם שכל. ווארום אביי האט גזאגט מיין מוטער האט מיר גזאגט אז מען עסט טייטלען פאר דעם עסין איז דאס צו דיא גידערים אזוי וויא אהאק צו אבוים. אונ אז מען עסט טייטלען נאך דעם עסין שטארקט דאס דעם מענטש אזוי וויא דער ריגעל שטארקט דיא טיר. פאר וואס רופט מען אטיר דשא: האט רבא גזאגט דשא מאכט דרך שם. דורך דארט גייט מען אריין אין שטוב. פאר וואס רופט

מחיקות את הגוף כבריה את הדלת: אף אנו נאמר. אף אנו נדרוש את השמות מה לשון איילונית שקראו חכמים לאשה שאינה ראויה לילד. דוכרניתא. לשון איל תמים דמתרגמינן דכר שלים הרי היא כאיל שאינו מוליד:

כיצד מרקדין. מה אומרים לפניה: כמות שהיא. לפי יופיה ותשובתה מקלסין אותה: חסודה. חוט של חסד משוך עליה: מכאן אמרו. מדברי ב"ה שאמרו ישבחנה: תהא דעתו של אדם מעורבת עם הבריות. לעשות לאיש ואיש כרצונו: משרי. משוררים: לא כחל. אינה צריכה כחל: ולא שרק. צבע המאדים את הפנים: פירכוס. קליעות שער. לא כחלה ולא שרקה ולא פירכסה והרי היא יעלת חן: כל מן דין. כל כמות אלו הוו כומכין לנו לקחת רבי ולמנוהן דייניס: כרניכון. מכרכסי כלכות נהפוך טעמיהון: סרמיטין. ל' סמרטוטין: תמיסין. אומרים תמיסית הטעם. פורמיסין. לא אהפרים: ממתיבתא. מבהמ"ד רנא דעמיה. נסיא בעמו: ימדברנא. מנהיג: בריך מהייך לשלם. ברוך בואך לשלום: בוליא דסורא. על שהיה קלסתר פניו מבהיק כדאמריק בב"ב שופריה דר' אבהו מעין שופריה דרבי יוחנן דנפקו זיהרורי מניה כדמפרש התם:

רבא דרך גג. פוריא אמר רב פפא שפרין ורבין עליה אמר רב נחמן בר יצחק (דף יא) אף אנו נאמר אילונית דוכרניתא דלא ילדה:

האשה שנתארמלה פרק שני

(דף טז ע"ב) **א** **ת"ר** כיצד מרקדין לפני הכלה ב"ש אומרים כלה כמות שהיא ובית הלל אומרים כלה נאה וחסודה אמרו להם ב"ש לב"ה הרי שהיתה חגרת או סומא אומרים לה כלה נאה וחסודה והתורה אמרה (שמות כג) מדבר שקר תרחק אמרו להם ב"ה לב"ש לדבריכם מי שלקח מקח רע מן השוק ישבחנו בעיניו או יגננו בעיניו הוי אומר ישבחנו בעיניו מכאן אמרו חכמים לעולם תהא דעתו של אדם מעורבת עם הבריות כי אתא רב דימי אמר הכי משרי קמיה כלתא במערבא לא כחל ולא שרק ולא פירכוס ויעלת חן:

כי

מען שטיגען וטרעפ] דרגא. האט רבא גזאגט דרגא מאכט דרך גג. דורך דיא שטיגען וטרעפען גייט מען ארויף אויף דעם דאך. פאר וואס רופט מען אבעט פוריא. האט רב פפא גזאגט ווייל ווייבער ווערין מעוברת אויף דעם בעט אונ האבען קינדער אויף דעם בעט. רב נחמן בר יצחק האט גזאגט מיר וועלין אויך זאגין. אשה וואס האט ניט קיין קינדער פאר וואס רופט מען איר אילונית. ווארום אילונית איז פון ווארט איל. אשעפס אזכר הייסט אויף לשון קודש איל. אונ די אשה וואס קען ניט האבען קינדער איז זיא וויא אשעפס אזכר:

פרק שני

א תנו רבנן. דיא רבנן האבען גילערנט וואס זאגט מען ווען מען טאנצט פאר אכלה. בית שמאי זאגין מען זאל אויף איר ניט זאגין ניט מער ניט ווייניגער. נאר אזוי וויא זיא איז אזוי זאל מען איר לויבען. אונ בית הלל זאגין מען זאל איר לויבען אונ מען זאל זאגין זי איז אשיינע כלה אונ אפרומע. האבען בית שמאי גזאגט צו בית הלל אויב דיא כלה איז גיוועזען לאם והינקענדיג אדער בלינד זאגט מען אויך אויף איר אז זיא איז שיין אונ פרום. דיא תורה האט דאך גזאגט מען זאל זיך דער ווייטערין פון צו זאגין אליגען: האבין בית הלל גזאגט צו בית שמאי אז איינער האט גיקויפט אין גאס אשלעכטע זאך. זאל מען אים לויבען דיא זאך אדער מען זאל זיא שענדין: געוויס וועט איר זאגין מען זאל דיא זאך לויבין פאר אים. ווארום ער האט דאך שוין די זאך גיקויפט. איז דאך שוין פאר פאלען: נאך וואס זאל מען אים מצער זיין. איז דאך בעסער מען זאל דיא זאך לויבין ער זאל זיין פרייליך. דא ביא דיא כלה איז אויך אזוי: עס איז דאך שוין נאך דיא קידושין אונ נאך דיא חופה. עס איז דאך שוין פאר פאלען. נאך וואס זאל מען אים מצער זיין. איז דאך בעסער מען זאל זיא לויבין ער זאל זיין פרייליך. אונ ווען אליגען איז אויך ניט אסור. ווארום פון שלום וועגין מעג מען זאגין אל גען. פון דאנען האבען דיא חכמים גזאגט אייביג זאל זיין אמענטש אוים געמישט מיט מענטשין. ער זאל אלע מאהל טאהן דעם ווילען פון יעדער מענטש. אז רב דימי איז גיקומען האט ער גזאגט אזוי זינגט מען פאר אכלה אין ארץ ישראל. זיא האט ניט גיפארבט דיא אויגין. אונ זיא האט ניט גיפארבט דעם פנים. אונ זיא האט ניט גיפלאכטין דיא האר. אונ פון עסטוועגין

איז

ב כי סמכו רבנן לרבי זירא שרו ליה הכי לא כחל ולא שרק ולא פירכום ויעלת חן . כי סמכו רבנן לר' אמי ולר' אסי שרו להו הכי כל מן דין וכל מן דין סמוכו לנא ולא תסמכו לנא לא מן סרמיסין ולא מן סרמיטין ואמרי לה לא מן חמיסין ולא מן טורמיסין רבי אבהו כי הוה אתי ממתיבתא לבי קיסר נפקן אמהתא דבי קיסר לאפיה ושרו ליה הכי רבא דעמיה ומדברנא דאומתיה בוצינא דנהורא בריך מתייך לשלם :

אתלת . שלשה בדין זורק אחד ומקבל אחד : מכסיף לן כלה . שמזלזל בכבוד ת"ח ונוהג קלות ראש בעצמו : בוטיטים לפנה . שוט של הדס ששיפ

ג אמרו עליו על ר' יהודה בר אלעאי שהיה נוטל בד של הדס ומרקד לפני הכלה ואומר כלה נאה וחסודה . רב שמואל בר יצחק מרקד אתלת א"ר זירא קא מכסיף לן סבא כי נח נפשיה אפסיק עמודא דנורא בין דידיה לכ"ע וגמירי דלא מפסיק עמודא דנורא

איז זי שיין :

ב כי : אז דיא רבנן האבען גימאכט רבי זירא פאר אדיין אונ אמורה הוראה . האט מען פאר אים אזוי גיזונגען . ער האט ניט גיפארבט דיא אויגן . אונ האט ניט גיפארבט דעם פנים . אונ האט ניט גיפלאכטין די האר . אונ ער איז שיין . (ווייל עס איז גיוועז מענטשין וואס זענין גיוועזן רשעים אונ פאר דיא וועלט פלעגין זייא ווייזין אז זייא זענין צדיקים (דאס הייסט גיפארבטע מענטשין) . אונ זייא פלעגין גיין מיט גרויסע האר מען זאל מיינען זייא זענין נזירים . דריבער האט מען גיזונגען פאר רבי זירא אז ער איז ניט גיפארבט אונ איז ניט קיין נזיר . נאר ער האט חן פון זיין אמת'ה פרומקייט אונ פון זיין תורה לערנען) . אז דיא רבנן האבען גימאכט רבי אמי אונ רבי אסי פאר דיינים אונ מורה הוראות . האט מען פאר זייא אזוי גיזונגען . אזעלכע מענטשין וויא זייא זענין מעג מען מאכען פאר דיינים אונ מורה הוראות . אונ איר זאלט ניט מאכען פאר דיינים ניט פון דיא מענטשין וואס פסקנען פאלשע דינים דורך דעם וואס זייא זאגין פאר קערצטע פשטים (מיינונגען) אין דיא תורה . אונ איר זאלט ניט מאכען פאר דיינים ניט פון דיא מענטשין וואס זענין בעטלערס : טאמער וועלין זייא פסקנען פאלשע דינים ווייל מען וועט זייא געבין געלט . אונ זייא זענין גיוואונט צו נעמען אומזיסטע געלט . אונ זיי ווייסן ניט צו פסקנען ווייל זייא האבען קיין מאהל ניט גיהאנדילט . אנדערע זאגין אזוי האט מען גיזונגען . איר זאלט ניט מאכען קיין דיינים פון דיא מענטשין וואס וויסען ניט זאגען א טעם פאר וואס די האבין אזוי גיפסקנת אז מען בעט זייא שטארק זייא זאלין זאגין דעם טעם : זאגין זייא אפיטפטול טעם . אבער אין גאנצען ווילען זייא ניט זאגין . אונ דער דין איז אז מען פרעגט בייא א דיין פאר וואס ער האט אזוי גיפסקנת . מוז ער זאגין . אונ איר זאלט ניט מאכען קיין דיינים פון אזעלכע מענטשין וואס זענין ניט אן גינומען אין שטאט . ווארום א דיין דארף זיין אזוי א מענטש וואס אלע געבין אים כבוד אונ האבען פאר אים אונטערטעניגקייט . צוא פאלגין וואס ער זאגט . רבי אבהו אז ער פלעגט קומען פון דער ישיבה צום קיסר . פלעגין דיא דינסטען פון קיסר צוא אים ארויס גיין ענטגעגין . אונ פלעגין אזוי זינגען . דא גייט דער גרעסטער פון זיין פאלק . אונ דער פירער פון זיין פאלק . דיא ליכטיגע ליכט . גילויבט זאל זיין גאט וואס ער האט דיך אהער גיבראכט צו פרידען :

ג אמרו . מען האט גיזאגט אויף רבי יהודה בר אלעאי ער פלעגט נעמען א צווייג פון א הדס אונ פלעגט טאנצין פאר א כלה אויף דער חתונה אונ פלעגט זאגין דיא כלה איז שיין אונ פרום . רב שמואל בר יצחק פלעגט טאנצין אויף א חתונה מיט דריי הדסים . ער פלעגט איינם וואריפן אונ איינם האפען . האט רבי זירא גיזאגט אויף רב שמואל בר יצחק דער אלטער פאר שעמט אונז . עס פאסט ניט פאר א תלמיד חכם ער זאל אזוי טאנצין . אז רב שמואל בר יצחק איז גישטארבין איז אראפ גיקומען א פייערדיגער זייל אונ האט פאר שטעלט צווישען אים אונ אלע

דנורא אלא אי לחד בדרא או לתרי בדרא. א"ר זירא אהניא ליה שוטיתיה לסבא ואמרי לה שיטתיה לסבא ואמרי לה שטותיה לסבא. רב אחא מרכיב לה אכתפיה ומרקד אמרי ליה רבנן אנן מהו למעבד הכי אמר להו אי דמיא עלייכו ככשורא לחיי ואי לא לא. א"ר שמואל בר נחמני א"ר יונתן מותר להסתכל בפני כלה כל שבעה כדי לחבבה על בעלה ולית הלכתא כוות ה:

ד ת"ר מעבירין את המת מלפני הכלה וזה וזה מלפני מלך ישראל. אמרו עליו על אגריפס המלך שעבר מלפני הכלה ושבחוהו חכמים שבחוהו מכלל דשפיר עביד והא אמר רב אשי אפי' למ"ד נשיא שמחל על כבודו כבודו מחול מלך שמחל על כבודו אין כבודו מחול דאמר מר (דברים יז) שום תשים עליך מלך שתהא אימתו עליך. פרשת דרכים הואי. ת"ר

מרקד בו : שימחיה : שיטתו ומנהגו : שטותיה . בשיה מתנהג כשוטה : מרכיב לה אכתפיה : את הכלה : ככשורא כקורה בעלמא שאין אתם מהרהרין עליה : לחבבה . כשרואה שהכל מסתכלין בה נכנס יופיה בלבו :
מעבירין כשהכלה יוצאה מבית אביה לבית חתונתה ונושאי המת יוצאין ובזו ובזו אוכלוסין הרבה ואין רוצין להתערב מעבירין את המת (ואפילו) דרך אחרת : אפילו למ"ד . פלוגתא בפ"ק דקדושין : שום תשים עליך . ישראל הוזהרו שישימו עליהם שימות הרבה כלו' שתהא אימתו עליהם מלך אין כבודו מחול שלפיכך ריבה הכתוב שימות הרבה : פרשת דרכים [הואי] ולא ניכר שעבר מלפניו אלא כאלו הוא צריך לפנות לאותו הדרך :

מענטשין. אונ מיר האבען גילערונט אז אפייערדיגער זייל קומט נאר אראפ פון וועגין אזו אמענטש וואס ער איז נאר איינער אויף דער וועלט. אדער עס איז נאר דא צוויי אויף דער וועלט. ער אונ נאך איינער. האט רבי זירא גזאגט דער הדס וואס דער אלטער הט מיט אים גטאנצט האט אים גיהאלפען. צוא אזוי אכבוד. אנדערע זאגין אזוי האט רבי זירא גיזאגט דער פירונג פון דעם אלטען האט אים גיהאלפין צו אזוי אכבוד: אנדערע זאגין אזוי האט רבי זירא גזאגט דיא נארעשקייט פון דעם אלטען וואס ער האט זיך גימאכט אזוי וויא אנאר צוא טאנצין אוף חתונות. האט איהם גיהאלפען צו אזוי אכבוד. רב אחא פלעגט נעמען דיא כלה אויף זיינע אקסלען אונ פלעגט מיט איר טאנצין. האבען דיא רבנן גזאגט צו רב אחא מעגין מיר אויך אזוי טאהן. האט רב אחא צוא זייא גזאגט אויב עס וועט בייא אייך גלייך זיין אזוי וויא איר וואלט גיהאלטין אבעליק אויף דיא פלייצעס. מעגט איר אזוי טאהן. אונ אויב ניט. איר וועט עפעס טראכטין פון דיא כלה. טארט איר ניט טאנצין מיט דיא כלה: רבי שמואל בר נחמני האט גזאגט פון רבי יונתן וועגין דיא ערשטע זיבען טעג נאך דער חתונה מעג מען קוקען אויף דיא כלה. ווארום אז דער מאן וועט זעהן אלע קוקען אויף איר: וועט ער מיינען אז זיא גיפעלט אלע מענטשין. אונ אלע זעניין איהם מקנא. וועט ער זיא ליב האבען: זאגט די גמרא אבער דער דין איז ניט אזוי. אויף אאשת איש טאר מען ניט קוקען:

ד תנו רבנן. דיא רבנן האבען גילערונט אויב פון איין שטוב איז מען ארויס גיגאנגען מיט אכלה אונ מען פירט איר צוא דער חופה. אונ פון איין אנדער שטוב איז מען ארויס גיגאנגען מיט אמת צו בגראבין איהם. זאלין דיא מענטשין מיט דעם מת אוועק גיין אין איין אנדער גאס: אונ די כלה זאל גיין גלייך איהר וועג. אונ דר מת מיט די כלה מוזין אפ טרעטין די וועג פאר אמלך: מען האט גיזאגט אויף אגריפס אז ער האט אפ גיטרעטין די וועג פאר אכלה: האבין איהם די חכמים גילויבט: פרעגט די גמרא אז די חכמים האבין איהם גילויבט. מוז זיין אז ער האט גוט גיטאהן. רב אשי האט דאך גיזאגט אפילו דער וואס זאגט אז אנשיא האט מוחל גיוועזן אויף זיין כבוד איז זיין כבוד גישיינקט. דארף מען איהם ניט געבין כבוד: אבער אז אמלך האט מוחל גיוועזן אויף זיין כבוד: איז זיין כבוד ניט גישיינקט. ווארום עס שטייט אין פסוק דו זאלסט טאהן אויף דיר אמלך: די מורא פון מלך זאל זיין אויף דיר: האט דאך דער מלך אגריפס ניט גוט גיטאהן וואס ער האט אפ גיטרעטין דעם וועג פאר די כלה. ווארום אז מען האט גיזעהן ער איז מוחל זיין כבוד וועט מען פאר איהם ניט מורא האבין. ענפערט דיא גמרא דער ארט ווא אגריפס האט זיך גיטראפין מיט די כלה: האבין זיך דארט צו שיידט צווייא וועגין: אז

ת"ר מבטלין ת"ת להוצאת המת ולהכנסת כלה. אמרו עליו על ר' יהודה בר אלעאי שהיה מבטל ת"ת להוצאת המת ולהכנסת כלה בד"א כשאין עמו כל צרכו אבל יש עמו כל צרכו אין מבטלי וכמה כל צרכו אמר רב שמואל בר אוניא משמיה דרב תריסר אלפי גברי ושיתא אלפי שיפורא ואכרי לה תריסר אלפי גברי ומנייהו שיתא אלפי שיפורי עולא אמר כגון דחייצי גברי מאבולא ועד סיכרא רב ששת ואיתימא ר' יוחנן אמר נטילתה כנתינתה מה נתינתה בס' רבוא אף נטילתה בס' רבוא וה"מ למאן דקרי ותני (סס ע"ב) אבל למאן דמתני לית ליה שיעורא:

ציפורי. מכריזין עליו שיבאו לכבודו: דהייני גברי מאבולא לסיכרא. משער העיר הביא עד הקבר: נטילה של תורה. מה נתינתה. בששים נטילתה בששים והלומדו בטל: למאן דקרי. מקרא: ותני. משנה אבל עדיין לא שנה לתלמידים: אבל למאן דמתני. לאחרים: לית ליה שיעורא. ותמילא שמעינן דלמאן דלא קרי ולא תני אין מבטלין אם יש לו מתעסקין כדי קבורה בעלמא כשאלתות דרב אחאי מצאתי כן:

אפוטרופוס. מכר נכסים בידו להכניס ולהוציא לכהונה: ה"ה לא יצא לחירות. ולא

(דף כח) **ה** אריב"ל אסור לאדם שילמד את עבדו תורה ולא והתניא לוה הימנו רבו או שעשאו רבו (סס ע"ב) אפוטרופוס או שהניח תפלין לפני רבו או שקרא ג' פסוקים

אגריפס איז צוועק געגאנגען מיט איין אנדער וועג און דיא כלה מיט איין אנדער וועג; האט קיינער ניט געוואוסט וואס אגריפס מיינט: מענטשין האבין געזאגט אז אגריפס דארף פארין אין יענער וועג. נאר דיא חכמים האבין געוואוסט אז ער האט אין יענע וועג ניט גידארפט פארין. ער האט נאר אפ גיטרעטען דעם וועג פאר דיא כלה ד.יבער האבין זיא אים גילויבט. דיא רבנן האבין גילערונט מען זאל נישט לערנען תורה און מען זאל גיין צו אלויה פון אמת: אדער צו פירען אכלה צו דער חופה. מען האט געזאגט אויף רבי יהודה בר אלעאי אז ער פלעגט אוועק לייגען תורה לערנען און פלעגט גיין צוא אלויה פון אמת אדער צו פירען אכלה צוא דער חופה: זאגט דיא גמרא ווען דארף מען אוועק לייגין תורה לערנען און גיין צו אלויה פון אמת. אז ביא דער לויה איז ניטא אזוי פיל מענטשין וויא עס דארפין זיין. אבער אז עס איז יא דא ביא דער לויה אזוי פיל מענטשין וויא עס דארף זיין. זאל מען ניט אוועק לייגין תורה לערנען. וויא פיל מענטשין דארפין זיין ביא אלויה. האט רב שמואל בר אוניא געזאגט פון רבס וועגין צוועלף טויזענד מענטשין און שופרות. און זעקס טויזענד מענטשין מיט שופרות, צו זאמען איז אכטצעהן טויזענד מענטשין וויא זאלין בלאזין שופר נאך מענטשין זאלין קומען: אנדערע זאגין אין גאנצען דארף נאר זיין צוועלף טויזענד מענטשין. זעקס טויזענד מענטשין אן שופרות און זעקס טויזענד מענטשין מיט שופרות. עולא זאגט עס דארף זיין אזוי פיל מענטשין זיא זאלין פאר נעמען פון טויער פון שטאט ביז צום קבר. רב ששת זאגט און אנדערע זאגין רבי יוחנן האט געזאגט ביא דעם צו נעמען דיא תורה דארף זיין אזוי פיל מענטשין וויא עס איז געווען ווען דיא תורה איז געגעבין געווארין: ואז איינער שטארבט הערט דאך צו גינומען פון אים זיין תורה וואס ער האט גילערונט. אזוי וויא ווען דיא תורה איז געגעבין געווארין. זענען דאך געשטאנען זעקס מאהל הונדערט טויזענד מענטשין: אזוי ווען דיא ווערט צו גינומען דארף אויך זיין דער ביא זעקס מאהל הונדערט טויזענד מענטשין. דאס איז נאר ביא דער לויה פון אזוי אמענטש וואס האט גילערונט תנ"ך און משניות. אבער מיט תלמידים האט ער ניט גילערונט. אבער דער וואס האט גילערונט מיט תלמידים איז נאר ניטא קיין שיעור וויא פיל מענטשין עס דארפין זיין ביא זיין לויה:

ה אמר. רבי יהושע בן לוי האט געזאגט אמענטש טאר ניט לערנען תורה מיט זיין גוישען קנעכט. פרעגט דיא גמרא מיר האבין דאך גילערונט אז אבעל הבית האט גיבארגט געלט ביא זיין גוישען קנעכט. אדער דער בעל הבית האט גיגעבין דעם גוישען קנעכט געלט אדער כתובה, ער זאל האנדלען. אדער ער האט גיליינט תפלין און דער בעל הבית האט גיזעהן און האט געשוויגען. אדער ער האט גיליינט אין שוהל אין אספר תורה דריא

פסוקים בב"ה ה"ז לא יצא להירות התם דאיקרי עבד מרעתו כי קאמרינן דנהיג ביה מנהג בנים:

ו מאי קצצה דת"ר כיצד קצצה אחד מן האחין שנשא אשה שאינה הוגנת לו באין בני משפחה ומביאין חבית מלאה פירות ושוברין אותה באמצע רחבה ואומרים אחינו בית ישראל שמעו אחינו פלוני נשא אשה שאינה הוגנת לו ומתייראין אנו שלא יתערב זרעו בזרענו בואו וקחו לכם דוגמא לדורות שלא יתערב זרעו בזרענו וזו היא קצצה שהתינוק נאמן להעיד עליה:

ימרינן אי לאו דשהרריה לא הוה יהיב מיניה ולא הוה שביק ליה לנהוג מנהג בן חורין וש"מ דיש עבד בלומד תורה: דוגמא. אות וסי' זכרון לדורות הבאים: [את יוה"כ כשבת. לפטור המדליק את הגדים ביוה"כ כאילו הדליק בשבת: מה שבת. שהוא מיתת ב"ד פטור מן התשלומין וכו': אף יוה"כ. שהוא בכרת תוב נפש הוא זה ופטור מן התשלומין]: אסון בידי אדם. ולא יהיה אסון המתעי במיתת ב"ד למימר דהיכא דליכא מיתת ב"ד משלם דמי ולדות: אסון בידי שמים. וקרנו אסון

אלו נערות פרק שלישי

(דף ל) א נתניא ר' נחוניא בן הקנה היה עושה את יום הכפורים כשבת לתשלומין מה שבת מתחייב בנפשו ופטור מן התשלומין אף יה"כ מתחייב בנפשו ופטור מן התשלומין מ"ט דר' נחוניא בן הקנה] אמר אביי נאמר (שמות כא) אסון בידי אדם ונאמר (בראשית מד) אסון בידי שמים מה אסון האמור בידי אדם פטור

פסוקים. אונ דער בעל הבית ווייסט אז ער האט גילייענט אונ ער האט געשוויגען. איז דער קנעכט נאך ניט פרייא. זעהן מיר דאך אז אגוישער קנעכט מעג לערנען תורה. ענפערט דיא גמרא אז דער קנעכט אליין לערונט תורה. דארף מען אים ניט שטערין: נאר דער בעל הבית זאל פירען מיט דעם קנעכט אזוי וויא ער פירט מיט זיינע קינדער. ער זאל אים שיקען אין חדר לערנען תורה בייא אמלמד. דאס טאר מען ניט:

ו מאי. וואס איז קצצה. דיא רבנן האבין גילערונט וויא אזוי איז קצצה ואזכר פון אפסולה משפחה הייסט קוצץ. אונ אנקבה פון אפסולה משפחה הייסט קצצהו. אויב איינער פון דיא ברידער האט גינומען אווייב וואס עס פאסט ניט פאר אים ער זאל זיא נעמען. קומען דיא פאמיליע אונ ברייגגען אפאס פול מיט פירות אונ זייא צוא ברעכין דיא פאס אין מיטען גאס ואונ קינדער קומען אונ חאפין דיא פירות. אונ זייא זאגין יודין ברידער אונזערע הערט וואס מיר וועלין אייך זאגין: אונזער ברודער וואס ער הייסט מיט דעם נאמען האט ער גינומען אווייב וואס עס פאסט ניט פאר אים ער זאל זיא נעמען. דא בין מיר מורא טאמער וועט צו מישט ווערין זיינע קינדער מיט אונזערע קינדער. קומט אונ נעמט אייך אסימן אונ אצייכען איר זאלט גידיינקען און צו זאגין אייערע קינדער אונ קינדערס קינדער עס זאל ניט צו מישט ווערין זיינע קינדער מיט אונזערע קינדער. דאס הייסט קצצה. אונ אקינד איז אויך בנאמן עדות צוא זאגין אויף דיא קינדער אז זיי זעין פסול. מיט דעם צייכען אז ער הט גיחאפט פירות פון די פאס. ווען מען הט אויף זיי אוים גירופען אז זיי זענין פסול:

פרק שלישי

א תניא. מיר האבין גילערנט רבי נחוניא בן הקנה האט גיזאגט אז יום כפור איז אזוי ווי שבת צום בצאהלונג: אזוי וויא אז איינער צינדט אן דעם חברס שטוב. קומט אים מיתת בית דין דארפין אים הרגנין דארף ער ניט בצאהלין פאר די שטוב. אזוי אז איינער צינדט אן דעם חברס שטוב אום יום כפור. וייל אים קומט כרת דארף ער ניט בצאהלין. פרעגט דיא גמרא פון וואנען ווייס רבי נחוניא אז יום כפור איז גלייך צו שבת. אז מען איז מחלל שבת הרגנין אים בית דין. אונ אז מען איז מחלל יום כפור הרגנת אים גאט. אונ דיא מיתה פון בית דין איז שווערער ווי די מיתה וואס גאט הרגנת אים: האט אביי גיזאגט עס שטייט אין

פטור מתשלומין אף אסון האמור בידי שמים פטור מתשלומין. מתקיף לה רב אדא בר אהבה ממאי דכי קא מזהר להו יעקב לבניו על צנים פחים דבידי שמים נינהו דלמא על אריא וגנבי דבידי אדם נינהו אטו יעקב אהא אזהר אהא לא אזהר יעקב על כל מילי אזהר. וצנים פחים בידי שמים נינהו והא תניא הכל בידי שמים חוץ מצנים פחים שנאמר (משלי כב) צנים פחים בדרך עקש שומר נפשו ירחק מהם ותו אריא וגנבי בידי אדם נינהו והא אמר רב יוסף וכן תני ר' הייא מיום שחרב בית המקדש אע"פ שבטלו סנהדרין ד' מיתות לא בטלו לא בטלו הא בטלו להו אלא (ע"ב) דין ארבע מיתות לא בטלו. מי שנתחייב סקילה או נופל מן הגג או חיה דורסתו ומי שנתחייב

אסון: צנים פחים. קור וחום: בידי שמים. אם באים פורעניות על האדם גזירת מלך הוא: חוץ מצנים פחים. שפעמים שבאים בפשיעה: פחים. פחת: בידי אדם נינהו. שלא מגזירת המלך: דין ארבע מיתות. עונש דוגמתן: נופל מן הגג. דומה לנסקל שדוחפין אותו מבית הסקילה לארץ וגבוה שתי קומות היה כדאמרינן בנגמר הדין: חיה דורסתו. אריה מפילו לארץ והורגו בדריסה: ומי

פסוק דער ווארט אסון ווא בית דין דארפין הרגנין. עס שטייט ולא יהיה אסון. אז עס וועט ניט זיין קיין אסון [קיין מארד] דארף מען בצאהלין. אבער אז עס וואלט יא זיין אמארד וואלטין בית דין איהם גיהרגת. אונ ער וואלט ניט דארפין בצאהלין. אונ עס שטייט דער ווארט אסון ווא גאט הרגת. עס שטייט יעקב האט גיזאגט צו זיינע קינדער וקראהו אסון. עס וועט אים טרעפין אמארד. פון גאט. אזוי ווי דער אסון [דער מארד] וואס ער ווערט גיטאהן דורך בית דין אז בית דין הרגנין אים. דארף ער ניט בצאהלין. אזוי דער [אסון דער] מארד וואס ער ווערט גיטאהן דורך גאט דארף מען אויך ניט בצאהלין. האט רב אדא בר אהבה גיפרעגט פון וואנען ווייסין מיר אז יעקב האט גיזאגט צו די קינדער וקראהו אסון. עס וועט איהם טרעפען אמארד. האט ער גימיינט פון קעלט אדער פון היץ וואס דאס איז פון גאט. טאמער האט ער גימיינט אמארד פון אלייב אדער פון גנבים. וואס דער מארד איז פון מענטשין. ענטפערט דיא גמרא האט דען יעקב מורא גיהאט טאמער וועט אים טרעפין אמארד נאר פון אלייב אדער פון גנבים. אונ פאר אמארד פון קעלט אדער פון היץ האט ער ניט מורא גיהאט. יעקב האט דאך אויף אלץ מורא גיהאט. טאמער וועט איהם טרעפין אמארד פון קעלט אדער פון היץ אדער פון אלייב אדער פון גנבים אדער נאך פון אנדערע זאכין. פרעגט דיא גמרא אז אמענטש ווערט קראנק פון קעלט אדער פון היץ איז די שטראף גיקומען פון גאט. מיר האבין דאך גילערונט אלע קראנקהייט וואס עס קומט אויף אמענטשין איז אגזרה פון גאט. נאר דיא קראנקהייט פון קעלט אדער פון היץ קען זיין דאס האט דער מענטש אליין אויף זיך גיבריינגט אן אגזרה פון גאט. צוא וואס איז ער גיגאנגען נאקעט אויף דיא קעלט. אדער צוא וואס איז ער גיגאנגען ווען דיא זוהן האט גיברענט. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק קעלט אונ היץ איז נאר דא אין דיא וועג פון דעם פאר קרימטען מענטש וואס ער היט זיך ניט. אבער דער וואס וויל זיך היטען קען ער זיך דער וויטערין פון קעלט אונ פון היץ. נאך אקשיא איז אלייב פאלט ארויף אויף אמענטשין. אדער גנבים בעגנבנן אמענטשין דער שטראף איז ניט אגזרה פון גאט. נאר דער מענטש אליין האט זיך דאס גיטאהן. רב יוסף האט דאך גזאגט אונ אזוי האט רבי חייא גילערונט פון דער צייט וואס דער בית המקדש איז חרוב גיווארין אונ דיא סנהדרין זענין בטל גיווארין: פון דעכטוועגין דיא פיר ערליי מיתות סקילה שרפה הרג חנק זענין ניט בטל גיווארין. פרעגט דיא גמרא זייא זענין דאך יא בטל גיווארין. בית דין הרגנן דאך היינט ניט. נאר מען מיינט דער משפט פון דיא פיר ערליי מיתות איז ניט בטל גיווארין. בית דין הרגנן אים נישט. נאר אז איינער האט גיטאהן אעבירה וואס עס קומט אויף איר איינע פון דיא פיר מיתות. שטראפט אים גאט מיט אזוי אטויט וואס עס איז גלייך צו דעם טויט וואס בית דין וואלט אים גידארפט הרגנן: דער מענטש וואס בית דין וואלט אים גיהרגת מיט סקילה. אדער ער פאלט אראפ פון אדאך. אדער אחיה צו טרעט אים אונ הרגת אים. אונ דער מענטש וואס

שנתחייב שריפה או נופל בדליקה או נחש מכישו ומי שנתחייב הריגה לסטין באין עליו ומי שנתחייב חנק או טובע בנהר או מת בסרונכי אלא איפוך אריא וגנבי בידי שמים צנים ופחים בידי אדם:

מכ״ש: והארס שורפו: סרונכי. אסכרה והוא (כו״ן) [בגרון] מלנ״ט: ונ. מ״ת מכל דבר רע. וכל מקום שנאמר השמר פן ואל אינו אלא לא תעשה: לבדר׳ פנחס. במס׳ ע״ז: שלא יהרהר וכו׳. דסמיך ליה כי יהיה בך איש וגו׳: רך לזה. ורכיל לשון רך לי תהיה: עונה האמורה בתורה. כאן נאמרה עונת תשמיש ולקמן תנן אימתי הוא עונה:

נערה פרק רביעי

(דף מו) **א אזהרה** למוציא שם רע מנא לן ר׳ אלעזר אמר (ויקרא יט) מלא תלך רכיל רבי נתן אמר (דברים כג) מונשמרת מכל דבר רע ור״א מ״ט לא אמר מהאי ההוא מיבעי׳ ליה לכדר׳ פנחס בן יאיר ונשמרת מכל דבר רע מכאן א״ר פנחס בן יאיר אל יהרהר אדם ביום ויבא לידי טומאה בלילה ור׳ נתן מ״ט לא אמר מהאי ההוא אזהרה לב״ד שלא יהיה רך לזה וקשה לזה:

(דף מז ע״ב) **תניא** (שמות כא) שארה אלו מזונות וכה״א (מיכה ג) ואשר אכלו שאר עמי כסותה כמשמעה עונתה זו עונה האמורה בתורה וכה״א (בראשית לא) אם

תענה

בית דין וואלט אים פאר ברענט. אדער ער פאלט אריין אין אפייער; אדער אשלאנג בייסט אים; אונ דער גיפט פון שלאנג פאר ברענט אים אינווייניג. אונ דער מענטש וואס בית דין וואלט אים גיהרגת מיט אשווערד. אדער ער ווערט פאר זינדיגט צום מלך. האקט מען אים אפ דעם קאפ מיט אשווערד. אדער גזלנים קומען אויף אים אונ הרגנן אים מיט אשווערד; אונ דער מענטש וואס בית דין וואלט אים דער וואָרגן. אדער ער ווערט דער טרונקען אין אטייך. אדער ער שטארבט מיט אסכרה. ער ווערט דער וואָרגן אין האלדז. זעהן מיר דאך אז צתיה וואס הרגת אמענטשין; אונ וואס גזלנים קומען אויף אמענטשין. איז אגזרה פון גאט. אונ דער מענטש קען זיך ניט פאר היטען פון דיא גזרה. ענטפערט דיא גמרא מען דארף זאגין פאר קערט. אלייב אונ גנבים איז אגזרה פון גאט; קעלט אונ היץ איז ביי דעם מענטש אין האנט. אז דער מענטש וויל קען ער זיך פאר היטען פון קעלט אונ היץ זייא זאלין אים ניט שאדען טאן:

פרק רביעי

א אזהרה; וואו האט דיא תורה פאר זאגט מען זאל ניט אויס ציהען אשלעכטין נאמען אויף אמענטשין. רבי אלעזר זאגט עס שטייט אין פסוק מען זאל ניט גיין אויס זעהן אין פרעמדע שטובין. מען זאל ניט האבין צו זאגין אויף יענעם שלעכטע רייד. רבי נתן זאגט עס שטייט אין פסוק ונשמרת מכל דבר רע. דוא זאלסט דיך היטען אפילו פון שלעכטע רייד; דוא זאלסט אויף קיינעם ניט ריידין קיין שלעכטס. פרעגט דיא גמרא פאר וואס זאגט ניט רבי אלעזר פון דעם פסוק ונשמרת מכל דבר רע. זאגט דיא גמרא דעם פסוק דארף רבי אלעזר אויף איין אנדער זאך אזוי וויא רבי פנחס בן יאיר האט גזאגט. ונשמרת מכל דבר רע. דוא זאלסט דיך היטען פון אשלעכטע זאך. אמענטש זאל ניט טראכטען פון זנות ביי טאג. וואָרום ער וועט זעהן קרי ביי נאכט. פרעגט דיא גמרא אונ פר וואס זאגט ניט רבי נתן פון דעם פסוק לא תלך רכיל; ענטפערט דיא גמרא דער פסוק קומט אן צו זאגין בית דין אז צוויי מענטשין קומען האבין אדין תורה זאל דער דיין ניט ריידען מיט איינעם ווייכע אונ גוטע רייד אונ מיט דעם אנדערין הארטע אונ שלעכטע רייד; נאר ער זאל ריידין מיט ביידע גלייכע רייד:

ב תניא. מיר האבין גילערנט עס שטייט אין פסוק אמאן דארף געבין צוא זיין ווייב שארה כסותה ועונתה. שארה איז שפייז אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ואשר אכלו שאר עמי. זייא האבען גיגעסין דיא שפייז פון מיין פאלק. כסותה איז קליידונג; עונתה מיינט מען

תענה את בנותי ר' אלעזר אומר שארה זו עונה וכה"א (ויקרא יח) איש איש אל כל שאר בשרו לא תקרבו לגלות ערוה כסותה כמשמעה עונתה אלו טזונות וכה"א (דברים ח) ויענך וירעיבך :

(דף מט ע"ב) ג כי הוו אתו לקמיה דרב יהודה אמר להו יארוד ילדה ואבני מתא שדיא

כי הוו אתו לקמיה דרב הסדא אמר להו כפו ליה אסותא בצבורא וייקום ולימא עורבא בעי בני והההוא גברא לא בעי בני ועורבא בעי בני והכתיב (תהלים קמז) לבני עורב אשר יקראו ל"ק הא בחיורי הא באוכמי :

(דף נ) ד א"ר אילעא באושא התקינו המבזבז אל יבזבז יותר מחומש תנ"ה המבזבז אל יבזבז יותר מחומש שמא יצטרך לבריות ומעשה באחד שבקש לבזבז [יותר מחומש] ולא הניח לו חברו ומנו ר' ישבב ואמרי לה ר' ישבב ולא הניח לו חברו ומנו

(כי הוו אתו. אנשים שאין רוצים לזון בניהם קטנים) : יארוד. תנין מעון תנים מתרגמינן מדור יארודין והוא אכזרי על בניו : יארוד ילדה וכו'. התנין הוליד תולדותיו והטיל על בני העיר פרנסתו : כפו ליה אסותא. כפו מכתשת על פיה ויעמוד זה על גבי שוליה בגובה שישמעו קולו ויכריז על עצמו שהוא רע מן העורבים דעורבא בעי בני והוא גברא לא בעי בני ואית דמפרשים ש"ץ יעמוד עליו ויאמר כן על אותו האיש : לבני עורב אשר יקראו. אלמא לא זיין להו : אוכמי. כשגדל משחיר והאם והאב אוהבין אותם אבל מתחלתם לבנים ושונאים אותם :

כמבזבז. לעניים : מחומש. שבנכסיו שלא יעשך

תשמיש : דער מאן דארף בועל זיין דאס ווייב . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק לבן האט גזאגט צוא יעקב אם תענה את בנותי . אויב דוא וועסט פייניגען מיינע טעכטער . דוא וועסט זייא ניט בועל זיין אזוי וויא אמאן דארף בועל זיין דאס ווייב זיינע : רבי אלעזר זאגט שארה מיינט מען תשמיש . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק איש איש אל כל שאר בשרו לא תקרבו לגלות ערוה . אמענטש זאל ניט גייען צו זיינע אפריינדין ער זאל מיט איר מזנה זיין . כסותה מיינט מען קליידונג : עונתה מיינט מען שפייז . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ויענך וירעיבך . ער האט דיך געשפייזט אונ האט דיך גיהונגערט :

ג כי . דיא מענטשין וואס האבין ניט גיוואלט שפייזין זייערע קליינע קינדער אז זייא פלעגין קומען פאר רב יהודה . האט רב יהודה צוא זייא גזאגט דער שלאנג האט געבארין קינדער אונ ער הארפט זייא אויף דיא שטאט מענטשין זייא זאלין שפייזין זיינע קינדער . אז די מענטשין וואס האבען ניט גיוואלט שפייזין זייערע קליינע קינדער פלעגין קומען פאר רב חסדא . האט רב חסדא גיזאגט צו זיינע בדינטע נעמט אהילצענעם שטויס אונ שטעלט אים מיט דעם דעק ארויף צוויישע, פיל מענטשין אונ דער מענטש זאל שטיין אויף דעם דעק פון שטויס אין די הויך אלע זאלין הערין וואס ער וועט זאגן . אונ אזוי זאל ער זאגין די קראה וויל שפייזין אירע קינדער . אונ איך וויל ניט שפייזין מיינע קינדער . פרעגט די גמרא אונ די קראהען ווילען שפייזין זייערע קינדער . עס שטייט דאך אין פסוק לבני עורב אשר יקראו . דיא קינדער פון די קראהען וואס זייא רופען צוא גאט ער זאל זייא שפייזין . זאגט דיא גמרא עס איז ניט קיין קשיא דיא קראה אליין איז שווארץ אונ דיא קינדער זייערע ווען זייא ווערין גיבאהרין זענין זייא ווייס . גלויבט ניט דיא מוטער אז דאס איז אירע קינדער וויל זיא זייא ניט שפייזין . רופען זיי צו גאט ער זאל זיי שפייזין . דער נאך אז זיי ווערין עלטער אונ ווערין שווארץ האט דיא מוטער אונ דער פאטער ליב די קינדער אונ שפייזין זייא :

ד אמר . רבי אילעא האט גזאגט דיא חכמים וואס זענין גיוועזין אין דיא שטאט אושא האבין טאגט דער וואס וויל געבין פיל צדקה . זאל ער ניט געבין מער וויא אפינפטול פאר מעגין : זאגט דיא גמרא מיר האבען אויך אזוי גילערנט . דער וואס וויל געבין פיל צדקה . זאל ער ניט געבין מער וויא אפינפטול פאר מעגין . טאמער וועט ער ארעם ווערין אונ וועט דארפין אליין נעמען צדקה . עס האט אמאהל גיטראפען איינער האט גיוואלט צוא טיילען מער וויא אפינפטול פאר מעגין אויף צדקה . האט אים זיין חבר ניט גילאזט . דער חבר איז גיוועזן רבי ישבב . אנדערע זאגין רבי ישבב האט גיוואלט צוא טיילען מער וויא אפינפטול פאר מעגין

ומנו ר"ע א"ר נחמן ואיתימא ר' אחא בר יעקב מאי קראה (בראשית כח) וכל אשר תתן לי עשר אעשרנו לך והא לא דמי עישורא בתרא לעישורא קמא אמר רב אשי אעשרנו לבתרא כי קמא:

ה נאמר רב יצחק באושא התקינו שיהא אדם מתגלגל עם בנו עד י"ב שנה מכאן ואילך יורד עמו לחייו איני והא"ל רב לרב שמואל בר שילת בציר מבר שית לא תקבל בר שית קביל וספי ליה כתורא אין ספי ליה כתורא מיהו אינו יו־ד עמו לחייו עד לאחר י"ב שנה ואבע"א לא קשיא הא למקרא הא למשנה ד] אמר אביי אמרה לי אם בר שית למקרא בר עשר למשנה בר תליסר לתעניתא מעת לעת ובתינוקת

לגריות: עשר אעשרנו. ב' עישורין הן להו הומש: והא לא דמי בתרא לקמא. דכי שקלת לקמא פשו להו ט' וכי הדרת מדלית מעשר דידהו לאו כי קמא היא ולאין כאן חומש בשניהן: אעשרנו. ידלא כתיב עשר אעשר לך ה"ק אעשרנו (לראשון) [כראשון] כלו' מעשר שני יהא כראשון:

[מתגלגל אם פשרב מללמוד יגלגל עמו בנחת ובדברים רכים: יורד עמו לחייו. לרדותו בלמעס ובמוסר לחם: רב שמואל בר שילת. מלמד תינוקות היה: וספי ליה כתורא. הלע מהו תורה כשור שאהם מלעיטו ואוכמו מאכל]: לתעניתא. מעת לעת. להתענות כל היום. והיינו לגעות

אויף צדקה, האט אים זיין חבר ניט גילאזט. דער חבר איז גיוועזן רבי עקיבא. רב נחמן האט געזאגט אגדע"ע זאגין רב אחא בר יעקב האט געזאגט דאס ווייזען מיר פון דעם פסוק יעקב האט געזאגט אזוי וואס דוא וועסט מיר געבין עשר אעשרנו לך. וועל איך פון דעם נעמען צוויי צענטלען וואס איז אפינפטול און וועל געבין צו גאט. פרעגט די גמרא דער אנדערער צענטל איז דאך ניט גלייך צום ערשטין צענטל. למשל אז איינער האט הונדערט גילדין און ער נעמט אראפ אצענטיל. דאס איז צעהן גילדין: בלייבט ניינציג גילדין. אז ער נעמט אצענטיל פון די ניינציג גילדין. דאס איז ניין גילדין. איז דאך דער אנדערער צענטיל ווייניגער ווי דער ערשטער צענטיל. די ביידע צענטלען צו זאמען איז ניינצעהן גילדין. איז דאך נאך ניט קיין פינפטול פון הונדערט גילדין. ווארום אפינפטול פון הונדערט גילדין איז צוואנציג גילדין. האט רב אשי געזאגט ווייל עס שטייט ניט עשר אעשר. נאר עס שטייט עשר אעשרנו. האט יעקב גימיינט דער אנדערער צענטיל וועט זיין אזוי ווי דער ערשטער. למשל ער וועט צוא טיילען הונדערט גילדין אויף צעהן טייל. צעהן מאהל צעהן. פון דעם וועט ער נעמען איין מאהל צעהן און נאך אמאהל צעהן:

ה אמר. רב יצחק האט געזאגט די חכמים וואס זענין גיוועזן אין די שטאט אושא האבין געזאגט אז אמענטש זאל ציהען זיין קינד מיט גוטע רייד ער זאל לערנען און פרום זיין. ביז דער קינד ווערט אכט צוועלף יאהר. נאך צוועלף יאהר אז דער קינד וויל ניט פאלגין. זאל דער פאטער גיין מיט אים אויף זיין לעבין. ער זאל אים שלאגין און זאל אים ניט געבין עסין ביז ער וועט גוט ווערין. פרעגט די גמרא רב האט דאך געזאגט צוא רב שמואל בר שילת (ער איז גיוועזן אמלמד) אקינד וואס איז אלט ווייניגער ווי זעקס יאהר זאלסטו ניט נעמען אין חדר. אקינד וואס איז שוין אלט זעקס יאהר זאלסטו אים נעמען אין חדר און זאלסט אים אריין שטאפין דאס לערנען אזוי ווי מען שטאפט אין אאקס דאס עסין. און אקינד וויל דאך ניט לערנען מוז מען דאך אים שלאגין. זעהן מיר דאך אז פאר צוועלף יאהר שלאגט מען אויך אקינד. ענטפערט די גמרא מען דארף טאקי אין אים שטאפין דם לערנען אזוי ווי מען שטאפט אין אאקס דאס עסין. נאר ניט מיט שלאגין. נאר מיט גוטען. ביז נאך צוועלף יאהר. נאך צוועלף יאהר אז ער פאלגט ניט זאל מען אים שלאגין. און אז דוא ווילסט וועל איך דיר זאגין עס איז ניט קיין קשיא. אקינד וואס איז אלטער ווי זעקס יאהר זאל מען אין אים שטאפין תורה נביאים כתובים. אויף דעם דארף מען דעם קינד ניט שלאגין. ווארום דער קינד וויל וויסען די דער צייל־נגען לערונט ער דאס גערין. נאר צוא משניות לערנען דארף מען אים שוין שלאגין. ווארום דאס איז שווערע זאכין וויל זיך דער קינד ניט מאטערין: און אביי האט געזאגט מיין מוטער האט מיר געזאגט אקינד וואס איז אלט זעקס יאהר זאל מען

ובתינוקת בר תליסר אמר אביי א"ל אם האי בר שית דטרקא ליה עקרבא ביומא דמישלם שית לא חיי מאי אסותיה מרתה דדיה חוורתא בשיכרא נישפייה ונישקייה. האי בר שתא דטריק ליה זיבורא ביומא דמישלם שתא לא חיי מאי אסותיה אצוותא דדיקלא במיא נישפייה ונישקייה. אמר רב קטינא כל המכנים בנו פחות מבן ו' רץ אחריו ואינו מגיעו א"ד הבריו רצין אחריו ואין מגיעים איתו ותרוייהו איתנהו חליש וגמיר איבעית אימא הא דכחיש הא דבריא:

(תהלים קו) ן אשרי שומרי משפט עושה צדקה בכל עת וכי אפשר לעשות צדקה בכל עת דרשו רבותינו שביבנה ואמרי לה ר' אליעזר זה הזן בניו ובנותיו כשהם קטנים. רבי שמואל בר נחמני אמר זה המגדל יתום

מקודם לכן שנתים כדאמרינן ביומא: ובתינוקת שהיא ממהר' להביא כח שאינה מהסת כמה כת"פ ותרתי סרי דקאמר שנת י"ב גופא קאמר דאי כת י"ב ויום אחד דאורייתא היא שמביאה ב' שערות ובת עונשין ואין צריך לנו ללמוד ממניקתו של אביי: לא חיי אם לא ברפואה בדוקה: מררתא דדיה. מרה של דיה שקורין ווב"ו"ר: נישפייה ונשקייה. ימשחנו והשקנו ממנו בשכר: אצוותא דדיקלא. היא שגדל סביב דקל שומר כעין וולירי"א שסוכך את עץ הגפן: המכנים את בנו. לת"ת: רץ אחריו. לבכרותו ולבחיותו: ואין מגיעו. מסוק הוא למות מרוב הולא: הבריין רצין אחריו. להיות תקתין בתורה כמותו: הא דכחיש. לא יכניסנו שמסוכן הוא פן יחלה וימות: דבריא. יכניסנו לפי שמהפקת:

זה הזן בניו ובנותיו כשהם קטנים. שמטריד יום ולילה הם עליו והיא מצוה שאין עליו חיוב נכסם

מיט אים לערנען תורה נביאים כתובים: און אז ער איז אלט צעהן יאהר זאל מען מיט אים לערנען משניות: אז ער איז אלט דרייצעהן יאהר דארף ער שוין פאסטען אגאנצין טאג. און אמיידיל אז זיא איז אלט צוועלף יאהר דארף זיא שוין פאסטין אגאנצין טאג. אביי דער זאגט מיין מוטער האט מיר גזאגט אויב אעגדיס האט אביס גיטאן אקינד פון זעקס יאהר. אין דעם לעצטין טאג פון די זעקס יאהר. וועט ער ניט לעבין. נאר מיט וואס קען מען אים דאך גיזונד מאכין. מען זאל נעמען דיא גאל פון דעם ווייסין פויגיל ביה. און מען זאל דיא גאל אויס מישען מיט ביר און מען זאל דעם קינד בשמירען מיט דיא ביד: און מען זאל אים געבין טרינקען דיא ביר; וועט ער גיזונד ווערין. אויב אבין האט אביס גיטאהן אקינד פון איאהר. אין דעם לעצטין טאג פון יאהר וועט ער ניט לעבין. נאר מיט וואס קען מען אים דאך געזונד מאכין. מען זאל נעמען דיא קארע פון אטייטיל בוים און מען זאל ווייקין אין וואסער. און מען זאל דעם קינד בשמירען מיט דיא וואסער. און מען זאל אים געבין טרינקען דיא וואסער. וועט ער גיזונד ווערין. רב קטינא האט גזאגט דער וואס ברייגגט זיין זוהן אין חדר צוא לערנען תורה פאר זעקס יאהר. וועט ער לויפין נאך אים און וועט אים ניט דער האלטין. דאס מיינט מען אפילו ער וועט אים געבין דאס בעסטע צוא עסין; פון דעסטוועגין וועט ער אים ניט דער האלטין ביי דעם לעבין; נאר ער וועט שטארבין פון שוואכקייט. אנדערע זאגין אזוי האט רב קטינא גזאגט צוא זיינע חברים וואס האבין אן גיהויבין צוא לערנען נאך זעקס יאהרן וועלין אים נאך יאגין אין לערנען זייא זאלין קענען אזוי גוט לערנען וויא ער און וועלין אים ניט דער יאגין. ער וועט קענען בעסער וויא זייא. און ביידע זאגין וועט ביי אים זיין. ער וועט זיין שוואך און וועט קענען גוט לערנען. און אויב דוא ווילסט וועל איך דיר זאגין אזוי זאל מענטש טאן. אויב דם קינד איז שוואך זאל ער אים ניט ברייגגען אין חדר צוא תורה לערנען. ווארום ער איז אין אסכנה טאמער וועט ער שוואך ווערין און וועט שטארבין. און אויב דם קינד איז געזונד זאל ער אים יא ברייגגען אין חדר צו תורה לערנען. ווארום ער וועט זיין אגרויסר חכם אין דער תורה:

ן אשרי. דוד המלך האט גיזאגט וואהל צו דעם מענטש וואס ער היט צו טאן משפט און ער טוהט צדקה צו יעדער צייט. פרעגט די גמרא קען מען דען טאהן צדקה צוא יעדער צייט. האבין די רבנן פון יבנה גידרשת. אנדערע זאגין רבי אליעזר האט גיזאגט דער וואס שפייזט זיינע קליינע קינדער (זיהן און טעכטער) איז גלייך וויא ער וואלט גיגעבין צדקה. און די צדקה איז דאך צו יעדער צייט. ווארום ער שפייזט דאך זיי טאג און נאכט. רבי שמואל

יתום ויתומה בתוך ביתו ומשיאן • (שם קיב) הון ועושר בביתו וצדקתו עומדת לעד רב הונא ורב חסדא חד אמר זה הלומד תורה ומלמדה וחד אמר זה הכותב תורה נביאים וכתובים ומשאילן לאחרים. (תהלים קכח) וראה בנים לבניך שלום על ישראל א"ר יהושע בן לוי כיון שבנים לבניך שלום על ישראל דלא אתו לידי חליצה ויבום ר' שמואל בר נחמני אמר כיון שבנים לבניך שלום על דייני ישראל דלא אתו לאנצויי:

(דף נא ע"ב) ז ת"ר שבויי מלכות הרי הן כשבויין גנובי ליסטות אינן כשבויין

והתניא איפכא מלכות אמלכות לא קשיא הא במלכות אחשורוש הא במלכות בן נצר ליסטות אליסטות לא קשיא הא בבן נצר הא בליסטות דעלמא ובן נצר התם קרי ליה

פירוש

הסם: הון ועושר בביתו. שאין הממון כלה ואעפ"כ צדקתו עומדת לעד: זה הלומד תורה ומלמדה. מתקיימת בו הרי הון ועושר בביתו וצדקתו עומדת לעד על שטרח ללמדה להתלמידים: זה הכותב כו'. הספרים קיימים לו שאינם כלים וצדקתו עומדת לעד: לאינצויי. מי קרוב וקודם לנחלה:

שבויי מלכות. נשים ששבה המלך לתשמיש: הרי הן כשבויין. ומותרין לבעליהן כדתקן ואוהביך לי לאיכתו: במלכות אחשורוש. הן כשבויין לפי שמלך גדול הוא ויודעת שלא ישאנה ובעילתה באונס: בן נצר. ליסטים היה ולכד עיירות ומלך עליהן ונעשה ראש לסטים ובדידיה תנן שבויי מלכות אינן כשבויין ואסורות לבעליהן דסברה מינסיב קנסיב לה ונבעלת ברצון: ליסטות אליסטות וכו': בבן נצר אסורות כדאמרינן דסברה מינסיב

בַּר נַחֲמָנִי זָאגְט דֶער וָואס הָאדֶעוֶועט בַּיי זִיךְ אִין שְׁטוּבּ אַיָתוֹם אוּנ אַיְתוֹמָה אוּנ עֶר מַאכְט זֵיי חַתוּנָה. דֶער טוּהט צְדָקָה צוּ יֶעדֶער צַייט. ווָארוּם עֶר שְׁפַּייזְט דָאךְ זֵיי טָאג אוּנ נַאכְט. עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק אִין זַיין שְׁטוּבּ וֶועט זַיין רַייכְקֵייט אוּן דֶעסְט וֶועגִין וֶועט דֶער זְכוּת פוּן זַיין פְרוּמְקֵייט שְׁטֵיין אוֹיף אֵייבִּיג. רַב הוּנָא אוּנ רַב חִסְדָּא קְרִיגֶען: אֵיינֶער זָאגְט דָאס מֵיינְט מֶען דֶער וָואס לֶערוּנְט תּוֹרָה פַאר זִיךְ אוּנ עֶר לֶערוּנְט תּוֹרָה מִיט אַנְדֶערֶע: אוּנ אֵיינֶער זָאגְט דָאס מֵיינְט מֶען דֶער וָואס שְׁרַייבְּט תּוֹרָה נְבִיאִים כְּתוּבִים אוּנ עֶר פַאר בָּארְגְט זֵיי צוּ אַנְדֶערֶע וְדֶער וָואס הָאט סְפָרִים אוּנ עֶר פַאר בָּארְגְט צוּ מֶענְטְשִׁין מֶען זָאל אִין זֵייא לֶערְנִין. עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק דוּ וֶועסְט זֶעהן קִינְדֶער בַּייא דַיינֶע קִינְדֶער פְרִיד אוֹיף דִיא יוּדִין. הָאט רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ בֶּן לֵוִי גִיזָאגְט אַז דַיינֶע קִינְדֶער וֶועלִין הָאבִּין קִינְדֶער וֶועט זַיין פְרִידֶען בַּייא יוּדִין: דִיא ווַייבֶּער וֶועלִין נִיט דַארְפִין גֶעמֶען חֲלִיצָה אוּנ מֶען וֶועט זֵיי נִיט דַארְפִין מְיַבֵּם זַיין. רַבִּי שְׁמוּאֵל בַּר נַחֲמָנִי זָאגְט אַז דַיינֶע קִינְדֶער וֶועלִין הָאבִּין קִינְדֶער וֶועט זַיין פְרִידֶען בַּיי דִיא יוּדִישֶׁע דַיָינִים מֶען וֶועט נִיט הָאבִּין קֵיין קְרִיג וֶועגִין יְרוּשָׁה:

ז תָּנוּ רַבָּנָן. דִי רַבָּנָן הָאבִּין גִילֶערוּנְט דִיא ווַייבֶּער וָואס דֶער מֶלֶךְ הָאט זֵייא גִיפַאנְגֶען עֶר זָאל מִיט זֵיי מְזַנֶּה זַיין. זֶענִין זֵיי ווִי גִיפַאנְגֶען בַּיי אַיין אַנְדֶערִין. אוּנ זֵיי זֶענִין נִיט מְזַנֶּה מִיט דֶעם גוּטֶען ווִילֶען. דְרִיבֶּער אַז זֵיי קוּמֶען צוּרִיק צוּם מַאן מֶעג דֶער מַאן מִיט זֵיי ווָאוֹהנֶען: אָבֶּער דִי ווַייבֶּער וָואס גַזְלָנִים הָאבִּין זֵייא גִיגַנְבֶת פוּן זֵייעֶרֶע מַאנֶען. זֶענִין זֵייא נִיט ווִיא גִיפַאנְגֶען. ווָארוּם זֵיי זֶענִין מְזַנֶּה מִיט דֶעם גַזְלָן מִיט דֶעם גוּטֶען ווִילֶען. טָארִין שׁוֹין נִיט דִי מַאנֶען ווָאוֹהנֶען מִיט זֵיי. פְרֶעגְט דִי גְמָרָא מִיר הָאבִּין דָאךְ גִילֶערוּנְט פַאר קֶערְט דִי ווַייבֶּער וָואס דֶער מֶלֶךְ הָאט זֵיי גִיפַאנְגֶען זֶענִין אָסוּר צוּם מַאן. אוּנ דִי ווַייבֶּער וָואס גַזְלָנִים הָאבִּין זֵיי גִיפַאנְגֶען זֶענִין מוּתָּר צוּם מַאן. עֶנְטְפֶערְט דִי גְמָרָא פוּן אַמֶלֶךְ אוֹיף אַמֶלֶךְ אִיז נִיט קֵיין קַשְׁיָא: דִי ווַייבֶּער וָואס זֶענִין גִיפַאנְגֶען גִיוָוארִין צוּ אַזוֹי אַמֶלֶךְ ווִי אַחַשְׁוֵרוֹשׁ אִיז גִיוֶועזֶען. צוּ אַגְרוֹיסֶען מֶלֶךְ. וָואס דִי אִשָּׁה ווֵייס אַז דֶער מֶלֶךְ וֶועט אִיהר נִיט גֶעמֶען פַאר אַווַייבּ: עֶר וֶועט נָאר מִיט אִיהר מְזַנֶּה זַיין אוּנ וֶועט אִיהר אַוֶועק לָאזִין אַהֵיים. דִי אִשָּׁה אִיז נִיט מְזַנֶּה מִיט אִיהר גוּטֶען ווִילֶען: דְרִיבֶּער מֶעג דֶער מַאן מִיט אִיהר ווָאוֹהנֶען: אָבֶּער דִיא ווַייבֶּער וָואס דֶער מֶלֶךְ בֶּן נֶצֶר הָאט גִיפַאנְגֶען. ווַייל עֶר אִיז גִיוֶועזֶען אַפְּרָאסְטֶער מֶענְטְשׁ. דְרִיבֶּער הָאט יֶעדֶער אִשָּׁה גִימֵיינְט אַז עֶר וֶועט אִיהר גֶעמֶען פַאר אַווַייבּ. הָאבִּין זֵיי מִיט אִיהם מְזַנֶּה גִיוֶועזֶען מִיט דֶעם גוּטֶען ווִילֶען. דְרִיבֶּער זֶענִין זֵייא שׁוֹין אָסוּר גִיוָוארִין צוּא זֵייעֶרֶע מַאנֶען. פוּן גַזְלָנִים אוֹיף גַזְלָנִים אִיז נִיט קֵיין קַשְׁיָא. דִיא ווַייבֶּער וָואס דֶער גַזְלָן בֶּן נֶצֶר הָאט גִיפַאנְגֶען. ווַייל עֶר אִיז גִיוֶועזֶען אַמֶלֶךְ אוּנ אַפְּרָאסְטֶער. נִיט קֵיין יַחְסָן.

ליה מלך והכא קרי ליה ליסטים אין גבי אחשורוש ליסטים הוא גבי ליסטים דעלמא מלך הוא;

(דף נג) **ח** א"ל שמואל לרב יהודה שיננא לא תיהוי בעבורי אחסנתא אפי' מברא בישא לברא טבא דלא ידיע מאי זרעא נפיק מיניה וכ"ש מברא לברתא:

נסיב לה והדר הוה מלך: ליסטים דעלמא. אפילו לקיחין בלא קטין לה נפיק איכה אלא אמסה: לגבי אחשורוש ליסטים הוא. סילקך מתניתין קמייתא דמיירי במנכות אחשורוש קרי לבן נער גמורי לסטות ובייתא דתני איפכא דגנובי לסטות איירי בליסטים דעלמא קרי לבן נער סכויי מלכות: לתכשיטי אשה. שיקנו לה תכשיטין לתנאות בהן שיעבן את זיוה אשקלוי"ר בלע"ז: ומרקה. ימי הגעורים:

כל זמן שמכירה. אין שיעור לדבר אלא כדיקה כדבר הלוי אם אנו רואין שמכירה כופה ומניקתו בשכר [ולא"ט גירסא] ; [סכית דתאני. גרסה

אף על פי פרק חמישי

(דף נט) **א** משנה ואלו מלאכות שהאשה עושה לבעלה טוחנת וכו' ומניקה את בנה וכו'): **גמ'** מתני' דלא כר' חייא דתני ר' חייא אין אשה אלא ליופי אין אשה אלא לבנים ותני ר' חייא אין אשה אלא לתכשיטי אשה ותני ר' חייא הרוצה שיעדן את אשתו ילבישנה כלי פשתן הרוצה שילבין את בתו יאכילנה אפרוחים וישקנה חלב סמוך לפרקה:

(דף ס) **ב** ומניקה את בנה וכו' אמר שמואל כל זמן שמכירה. תהיא דאתאי לקמיה

דריבער האט יעדער אשה גימיינט אז ער וועט איהר נעמען פאר אווייב. אונ די ווייבער האבין גיוואלט אז ער זאל מיט זיי חתונה האבין. ווייל ער איז גיוועזן אמלך אויך. דריבער האבין זייא מיט איהם מזנה גיוועזן מיט דעם גוטען ווילען. ווענין זיי שוין אסור גיווארין צו זייערע מאנען אבער אפראסטער גזלן אז ער פאנגט אווייב. וואס די אשה וויל גאר ניט ער זאל מיט איהר חתונה האבין. איז זיא ניט מזנה מיט איהם מיט דעם גוטען ווילען. דריבער מעג זיא וואוינען מיט איהר מאן ׃ פרעגט דיא גמרא פריער רופט מען בן נצר מלך אונ איצט רופט מען איהם גזלן ענטפערט די גמרא ביי אחשורוש הייסט בן נצר אגזלן. אונ ביא גזלנים הייסט בן נצר אמלך:

ח אמר. שמואל האט גיזאגט צוא רב יהודה דוא למדן דוא זאלסט ניט צו נעמען דיא ירושה פון איין זוהן אונ געבין דעם אנדערין זוהן. אפילו פון אשלעכטין זוהן צו געבין אגוטען זוהן. ווארום מען ווייס ניט וואס פאר אקינדער עס קענין גיבארין ווערין פון דעם שלעכטין זוהן. טאמער וועלין פון איהם גיבארין ווערין צדיקים. אונ צו נעמען די ירושה פון אזוהן אונ געבין אטאכטער. טאר מען געווים ניט:

פרק חמישי

א משנה. ואלו׃ דיא ארבעט מוז אאשה טאהן צום מאן׃ מאהלין תבואה. קארין׃ באקין קאכין זייגין אקינד. זאגט די גמרא דיא משנה איז ניט וויא רבי חייא. ווארום רבי חייא האט גילערונט אווייב איז גאר גינומען גיווארין צום מאן פון שיינקייט וועגין ניט צום ארבעטין. אווייב איז גאר גינומען גיווארין צום מאן זיא זאל האבין קינדער. ניט צום ארבעטין. אונ רבי חייא האט גילערונט אווייב איז גאר גינומען גיווארין צום מאן נאר מען זאל איהר קויפין צירונג זיא זאל שיין אויס זעהין. אונ רבי חייא האט גילערונט דער וואס וויל זיין ווייב זאל עדעל אויס זעהן זאל ער איהר מאכין ווייסע וועבענע קליידער. אונ אז איינער וויל זיין טאכטער זאל זיין ווייס אונ קלאר זאל ער איר געבין עסין יונגע הינדלאך אונ זאל איר געבין טרינקען מילך אין דער יוגענד פון דעם עלפטין יאהר ביז דעם דרייצעהנטין יאהר:

ב ומניקה. אז איינער האט גיגט זיין ווייב אונ זיא האט אקליין קינד מוז זיא זייגין דאס קינד. נאר דער מאן בדארף איר צאהלין. שמואל זאגט אויב דאס קינד קען שוין די מוטער

לקמיה דשמואל אמר ליה לרב דימי בר יוסף זיל בדקה אזל אותבה בדרא דנשי ושקליה לברא וקמהדר ליה עילוייהו כי מטא לגבה הוה קכסוי לאפה כבשתנות לעינה מיניה אמר לה זקוף עיניך קום דרי בריך:

(דף סה) ג דשתיא שיכרא הוו לה בני אוכמי דאכלת בישרא ושתיא חמרא הוו לה בני בריי דאכלה ביעי הוו לה בני עינני דאכלה כוורי הוו לה בני היגני דאכלה כרפסא הוו לה בני זיותני דאכלה כוכברתא הוו לה בני בישרנ דאכלה אתרוגא הוו לה בני ריחני ברתא דשבור מלכא אכלה בה אמה אתרוגא והוו מסקי לה לקמיה דאבוה בריש ריחני:

ד אמר רב יצחק בר חנניא אמר רב הונא הכל משהין בפני השמש חוץ מבשר ויין אמר רב חסדא בשר שמן ויין ישן. אמר רבא בשר שמן כל השנה כולה ויין ישן בתקופת תמוז

ולא סיתם הולא לגמיק: זיל בדקה. אם מכירה: אותבה בדרא דנשי היושבת בשורה בין הנשים: קמסוי. מכסה: זקוף עיניך. וזקוף עיניך כמו דהפיל אזיל כר אוולא ועינוהי מטייפי דכ ק: דרי בריך. שאי בניך]:

כוי. בריאים. [עיני. עיניהם גדולות]: היני. בעלי חן: כרפסא. אפי"ס: כוכבריא. אלייגדר"א בלע"ז:

[הכל משהין בפני השמש. כשמשמש בסעודה ואוכלין לפניו ומוהין מלהאכילו עד שיקומו מקרואים חוץ מבשר שמן וכו'. שמאוה להם ומצטער בהקפסת טעמו. שריחו הזק והוה טוב מתרבר בו

מט זיא אים זייגין. אבער אז דאס קינד איז נאך אזוי קליין אז ער קען איר ניט. דארף זיא גיט אן הייבין אים צו זייגין. אאשה וואס איז גיגט גיווארין אונ האט גיהאט אקליין קינד איז אמאהל גיקומען פאר שמואל פרעגין אויב זיא מוז זייגין איר קינד אדער ניין: האט שמואל גזאגט צו רב דימי בר יוסף גיי זעה אויב דאס קינד קען דיא מוטער אדער ניין. איז רב דימי גיגאנגען אונ האט גיהייסין דיא מוטער זאל זיך זעצין צווישען עטליכע ווייבער. אונ רב דימי האט גינומען דאס קינד אונ האט אים גיטראגין פאר ביי דיא ווייבער ווי דאס קינד איז גיקומען געגין דיא מוטער האט ער זיא אן גיקוקט אונ האט איר דער קענט: האט זיא געהאלטין דיא אויגין פון אים: זיא האט אראפ גיביגין דעם פנים מיט דיא אויגין דס קינד זאל איר ניט דער קענען. האט רב דימי גזאגט צוא דיא מוטער הייב אויף די אויגין. אונ נעם דיין קינד אונ זייג אים:

ג דשתיא. אאשה וואס איז מעוברת אונ זיא טרינקט ביר. וועט זיא האבין שווארצע קינדער: אז זיא עסט פלייש אונ טרינקט וויין וועט זיא האבין גיזונטע קינדער. אז זיא עסט אייער וועט זיא האבין קינדער מיט גרויסע אויגין. אז זיא עסט פיש ווערין אירע קינדער האבין חן. אז זיא עסט כרפס וועט זיא האבין שיינע קינדער. אז זיא עסט כוסברתא וועט זיא האבין פעטע קינדער. אז זיא עסט אתרוגים ווערין אירע קינדער שמעקין. דיא ווייב פון דעם מלך פרס איז גיווען מעוברת אונ האט גיגעסין פיל אתרוגים. אונ זיא האט גיבארין א טאכטער דעם פון די טאכטער אזוי גישמעקט אז מען פלעגט איר ברייגגן צום פאטער פר די בעסטע בשמים ער זאל שמעקין פון איר:

ד אמר. רב יצחק בר חנניא האט גזאגט פון רב הונא וועגין אז איינער מאכט אסעודה מעגין דיא גיבעטענע מענטשין זיצען אונ עסין. אונ לאזין פאר דעם בעדינער זיין חלק ער זאל עסין שפעטער. נאר פלייש אונ וויין זאל מען דעם בעדינער באלד געבין זיין חלק. רב חסדא זאגט אויב אויף דער סעודה איז דא פעטע פלייש אונ אלטע וויין זאל מען דעם בעדינער באלד געבין זיין חלק. ווייל דאס שמעקט דאס דער בעדינער צער אז אלע עסין אונ ער עסט ניט. רבא זאגט אגאנץ יאהר ווען עס איז דא אויף אסעודה פעטע פלייש. מוז מען דעם בעדינער געבין באלד זיין חלק. אבער זיין חלק וויין אפילו אלטין וויין מעג מען בעהאלטען זיין חלק פון דינעט וועגין אויף שפעטער. נאר אין דיא צייט פון דיא תקופה פון תמוז מוז מען דעם חלק אלטען וויין פון דעם בעדינטען אים באלד געבין ווייל פון די היץ שמעקט דער וויין זייער שטארק. אונ אז ער וועט ניט באלד טרינקען פון אים קען ער קבאנס

גמרא • אבוה בר איהי ומנימין בר איהי חד ספי מכל מינא ומינא וחד ספי מחד מינא • מר משתעי אליהו בהדיה ומר לא משתעי אליהו בהדיה. הנהו תרי חסידי ואמרי לה רב מרי ור"ב פנחס בני רב חסדא מר קדים ספי ומר מאחר ספי דקדים ספי אליהו משתעי בהדיה דמאחר ספי לא משתעי אליהו בהדיה. אמימר ומר זוטרא ורב אשי הוו קא יתבי אפתחא דבי אזגור מלכא חליף ואזיל אטורנגא דמלכא חזייה רב אשי למר זוטרא (פס ע"ג) דחוור אפי' שקל באצבעתיה אנח ליה בפומיה א"ל אפסדתא לסעודתא דמלכא אמרי ליה אמאי תעביד הכי אמר להו מאן דעביד האי פסל למאכל דמלכא אמרי ליה אמאי אמר להו דבר אחר חזאי ביה בדקו ולא אשכחו שקל אצבעתיה אנח עליה אמר להו הכא מי בדקיתו בדקו ואשכחו אמרו ליה רבנן מ"ט סמכת אניסא אמר להו

כארס]: חד ספי. מאכיל את הבהמה מכל מין ומין וחד ספי ליה ממין אחד כההלת סעודה לשובע ומאחר מינין משהו עד שיגמור סעודתו: קדים ספי. קודם שיתן לפניו: מאחר ספי. מכל מין ומין לאחר שנתן לפניו ולפני האורחין: דקדים ספי משתעי אליהו בהדיה. לפי שבשעתן לפניהם והוא רואה ומתאוה ומצטער ופעמים שיש אורחים ברבה: אזגור. שם מלך פרס: אטורנגא דמלכא. מושיב במנות לפני השרים ולבשונו כבבקל"ם: דחוור אפיה. פניו זועפים שנתאוה למאכל: א"ל. אטורנגא לרב אשי: אפסדתא לסעודתא. לא יאכל המלך מעתה: אמרו ליה. שוטרי המלך אמאי תעביד הכי: אמר להו. רב אשי: דעביד הכי פסל למאכל דמלכא. העושה מאכל זה אין ראוי שיאכל המלך מאכל מידו: דבר אחר חזאי ביה. בשר של חזיר מנורע ובלשון לע"ז שירשמין: שקל אצבעתיה. רב אשי שקל אצבעתיה דקפילא: אנח עליה. על אחד מסמקיכות. אנחירים לא גרסינן: הכא מי בדקיתו. כלום בדקתם את המקום זה: בדקו והשכחו. גם נעשה בו: דברים

ווערין. אבוה בר איהי האט געמאכט אסעודה אונ מנימין בר איהי האט געמאכט אסעודה איינער האט געגעבין דעם בדינער זיין חלק פון יעדער זאך וואס מען האט געגעבין צום טיש פאר דיא געסט. האט דער בדינער געגעבין גלייך מיט אלע געסט. אונ איינער האט געגעבין דעם בדינער פון דעם ערשטין עסין ער זאל זאט ווערין. אונ פון דיא איבעריגע עסינס האט ער בעהאלטין פון זיינעטוועגין ביז וואנען אלע ווען אפ עסין. מיט דעם ערשטין האט אליהו הנביא געשמועסט. אונ מיט דעם אנדערין האט אליהו הנביא ניט געוואלט שמועסין. צווייא חסידים זענין געוועין. אונ אנדערע זאגין דאס איז געוועין רב מרי אונ רב פינחס די קינדער פון רב חסדא: איינער האט געגעבין דעם בעדינער זיין חלק איידער ער האט גינומען פאר זיך אונ פאר דיא געסט: אונ איינער האט פריער גינומען אחלק פאר זיך אונ פאר די געסט. דער נאך האט ער געגעבין דעם בדינער זיין חלק. דער וואס האט פריער געגעבין דעם בדינער האט אליהו הנביא מיט אים געשמועסט. דער וואס האט שפעטער געגעבין דעם בעדינער האט אליהו הנביא מיט אים ניט געוואלט שמועסין. אמימר אונ מר זוטרא אונ רב אשי זענין געזעסין ביי דיא טיר פון דעם מלך אזגור. איז פאר ביי געגאנגען דער בדינטער פון מלך אונ האט געטראגין טעלערס מיט עסין צוא געבין פאר דיא געסט. האט רב אשי אקוק געטאהן אויף מר זוטרא אז זיין פנים איז ווייס געווארין. ווייל דאס עסין האט אים פאר שמעקט. האט רב אשי איינגעטונקט זיין פינגער אין דעם עסין אונ האט אריין געשטעקט דעם פינגער צוא מר זוטרא אין מויל. האט דער בדינער געזאגט צוא רב אשי דוא האסט קאליע געמאכט די סעודה פון מלך. דער מלך וועט שוין ניט וועלין עסין ווייל דוא האסט אריין געשטעקט דעם פינגער. האבין דיא אנדערע בעדינטע גזאגט צוא רב אשי פאר וואס האסטו אזוי געטאהן. האט רב אשי געזאגט איך האב טאקי אריין געשטעקט דעם פינגער ווייל איך האב געוואלט דער מלך זאל ניט עסין. ווארום דער מלך בדארף ניט עסין דיא עסינווארג וואס דער בדינטער האט געמאכט. האט מען געזאגט צוא רב אשי פאר וואס האט רב אשי געזאגט איך האב דא געזעהן אשטיקל פלייש פון אקרעצינגען חזיר: האט מען געזוכט אונ מען האט ניט געפונען. האט רב אשי גענומען דעם פינגער פון דעם בדינער אונ האט אים ארויף געלייגט אויף אשטיקל פלייש. אונ ער האט געזאגט צו די בדינטע דיא שטיקל פלייש האט איר געזעהן פון וועמען זיא איז. האבען זייא געזוכט אונ האבען געפונען אז זיא איז פון אקרעצינגען חזיר. עס איז ניט

לחו חזאי רוח צרעת דקפרחה עילויה. ההוא רומאה דאמר לה לההיא אתתא מינסבת לי אמרה ליה לא. אזל אייתי רימני פלי ואכל קמה כל מיא דצערי לה בלעתיה ולא יהב לה עד דתג לה לסוף אמר לה א מסינא לך מינסבת לי אמרה ליה אין אזל ואייתי רימני פלי ואכל קמה אמר לה כל טיא דצערי לך תוף שדא תוף שדאי עד דנפק מינה כי הוצא דירקא ואיתסיאת:

(דף סג) **ה** והתלמידים יוצאין לת"ת שלא ברשות ל' יום וכו'. ברשות כמה כמה דבעי אורחא דמלתא כמה א"ר חדש כאן וחדש בבית שנאמר (ד"ה א כו) לכל דבר המחלקות הבאה והיוצאת חדש בחדש לכל חדשי השנה ור' יוחנן אמר חדש כאן ושנים בביתו שנאמר (מ"א ה) חדש יהיו בלבנון שנים חדשים בביתו ורב נמי מאי טעמא לא אמר מההיא שאני

חסרה עילויה. דמי זוזא דפלי. מנקע והרבה יש לו חמין במסכת נדה דפלי פלי: מיא דצערי. רוק שגדל בתוך הפה מחמת קיוהא דבר שנאכל בפניו ואינו אוכל ממנו: עד דתג. נפחו פניו ונכרכו שפה כוכוכית שכן דרכי הנפוחים: תוף שדאי. רקקי והשליכי:

[אורחא דמלתא. דרך ארץ שלא יצא עליו השה ואפי' הוא יטול לפחותה שתתן לו רשות:

לכל דבר וגו'. בדה"י במחלוקת שהיו עובדים את דוד כל מחלקה חדש ולע"ג דמשמעותא דעינא משמע שלא היה פורש מביתו אלא חדש א' בשנה אין ללמוד מכאן אלא חדש כאן וי"א חדשים בביתו דכ קרא יתירא הבאה והיוצאת דרים דסו"ל דמיכתב דבר מחלקות חדשי השנה משמע שהיו כ' מחלקות נכים ומכרתים שמסרתים עם השאר א ו' חדשים בדילוג וא ו' חדשים בדילוג זו בלא זו אלא מדי חדש בחדש הרי חדש בבית המלך וחדש בביתו ואף כאן חדש בבית רבו וחדש בביתו:

אמת געוועזן נאר עס איז געווארין אנגס האבין דיא רבנן גזאגט צוא רב אשי פאר וואס האסטו דיך פאר לאזין אויף אנגס. האט רב אשי צוא זייא גזאגט איך האב געזעהן אווינט פון צרעת איז געפיוגין אויף מר זוטרא דער נאך ווי ער האט פארזוכט פון דעם עסין. איינער פון רחים האט געזאגט צו אאשה דו וועסט מיט מיר חתונה האבין: האט זי געזאגט ניין. איז ער גיגאנגין אונ האט גיבראכט אמילגרוים אונ האט איהם צו שפאלטין אונ האט איהם גיגעסין פאר איהר. אלע שפייעכץ וואס איהר איז גיקומען אין מויל ווייל זיא האט ניט גיגעסין פון דעם מילגרוים האט זיא איין גישלונגען: אונ ער האט איהר ניט גיגעבין פון דעם מילגרוים. ביז זיא איז גישוואלין גיווארין. דער נאך האט ער גיזאגט צוא איהר אויב איך וועל דיך גיזונד מאכין וועסטו צוא מיר גינומען ווערין. האט זיא גיזאגט יא: איז ער גיגאנגען אונ האט גיבראכט נאך אמילגרוים. אונ האט איהם צו שפאלטין אונ האט איהם גיגעסין פאר איהר: אונ ער האט גיזאגט צו איהר אלע שפייעכץ וואס דיר וועט קומען אין מויל: זאלסטו אוים שפייען. ביז עס איז ארוים גיגאנגען פון איהר אזוי וויא אגרינע בלאט אונ זי איז גיזונד גיווארין:

ה התלמידים. יונגע מענטשין וואס ווילען לערנין תורה מעגין זייא גיין אין אישיבה לערנען תורה אויף דרייסיג טעג אונ זייא דארפין ניט פרעגין ביא דיא ווייבער אויב זיי ווילינגן איין דיא מאנגען זאלין גיין. אז דיא ווייבער ווילינגען איין דיא מאנגען זאלין גיין לערנין תורה. אויף וויא לאנג מעגין דיא מאנען גיין. פרעגט דיא גמרא אויף וויא לאנג זייא ווילען זאלין זייא גיין. ענטפערט דיא גמרא מען מיינט אפילו דיא ווייב ווילינגט איין פון דעסטוועגין איז ניט רעכט ער זאל איר פאר בינדען צוא זיצען אן אמאן אלאנגע צייט. דריבער פרעגט דיא גמרא אויף וויא לאנג מעג ער אוועק גיין אונ עס זאל ניט זיין קיין עבירה. האט רב גזאגט אויף אחודש. אחודש זאל ער זיין אין דער ישיבה אונ אחודש אין דער היים: אזוי וויא עס שטייט אין פסוק צוא אלע אפ גיטיילטע זאכען. צוא דעם אפטיילונג פון דיא בעדינטע פון מלך. דיא טייל וואס איז אריין גיקומען בעדינען דעם מלך: אונ דיא טייל וואס זענין ארוים גיגאנגען פון בעדינונג. האבין זייא זיך גיטאהשט אחודש אום אחודש צוא אלע חדשים פון יאהר. אחודש איז דיא טייל גיגאנגען בעדינען דעם מלך אונ יענע טייל איז געוועזן אין דער היים. דעם אנדערין חודש איז יענע טייל גיקומען בעדינען דעם מלך אונ דיא טייל איז געווען אין דער היים: זעהן מיר אז מען גייט אוועק פון דער היים נאר אויף איין חודש. רבי יוחנן זאגט אחודש זאל ער זיין אין דער ישיבה אונ צוויא חדשים אין דער היים: אזוי ווי א עס שטייט

אין

שאני בנין בית המקדש דאפשר ע"י אחרים ור"י מ"ט לא אמר מהיא שאני התם דאית ליה הרווחה]. אמר רב אנחה שוברת חצי גופו של אדם שנאמר (יחזקאל כא) ואתה בן אדם האנח בשברון מתנים ובמרירות תאנח ור' יוחנן אמר כל גופו של אדם שנאמר (שם) והיה כי יאמרו אליך על מה אתה נאנח ואמרת אל שמועה כי באה ונמס כל לב ורפו כל ידים וכהתה כל רוח וכל ברכים תלכנה מים ור' יוחנן נמי הכתיב בשברון מתנים ההיא דכי מתחלא ממתנים מתחלא. ורב נמי הכתיב ונמס כל לב ורפו כל ידים וכהתה כל רוח שאני שמועה דבית המקדש דתקיפא טובא. ההוא ישראל ונכרי דהוו קאזלי באורחא בהדי הדדי לא אימצי נכרי לסגויי בהדי ישראל אדכריה חורבן בית המקדש נגיד ואיתנח ואפ"ה לא אימצי נכרי לסגויי בהדיה א"ל לא אמריתו אנחה שוברת חצי גופו של אדם א"ל ה"מ מלתא הדתא אבל הא דשנן בה [לא] דאמרי אינשי דמלפא תכלי לא בהתה:

דאית ליה הרווחה. שהיו נוהגים מבית המלך ותיכף רווח ביתה לפיכך מקבלת עליה וכו' שכיון שיש לו שכר יש לה מזונות מרווחים ותכשיטין אבל ת"ח מלוה דיליה הוה] : מתנים. באמצע הגוף : דשנן בה. סורגלנו בה כמו כיון דדש דש : דמלפי הכלי

הטיילין

אין פסוק אחודש זאלן זיי זיין אין וואלד און צוויי חדשים אין דער היים. פרעגט די גמרא פאר וואס לערונט ניט אפ רב פון דעם פסוק פון רבי יוחנן אז צוויי חדשים זאל ער זיצען אין דער היים. ענטפערט די גמרא דארט שמועסט פון באהען דעם בית המקדש. קען מען איהם באהען דער וועיל דורך אנדערע מענטשין. עס וועלין זיך געפינען פיל מענטשין וואס וועלין העלפין באהען דעם בית המקדש. עס וועט ניט גישטערט ווערין דאס באהען דורך דעם וואס ער וועט זיצען צוויא חדשים אין דער היים. אבער דא ביי תורה לערנען ווערט דאך גישטערט אין לערנען אז ער איז אין דער היים: דריבער זאל ער נאר זיין איין חודש אין דער היים. און רבי יוחנן פאר וואס לערונט ניט אפ פון דעם פסוק פון רב. ענטפערט די גמרא דארט איז אנדערש דיא צייט וואס דער מאן איז ביי דעם מלך פארדינט ער האט זיא דאך הנאה פון זיין פארדינסט. עס איז דא אין שטוב פרנסה זיא קען קויפין קליידונג צירונג: דריבער וויל זיא אויך ער זאל נאר זיין אחודש אין דער היים: אבער פון זיין תורה לערנין וועט זיא קיין פרנסה ניט האבין און צירונג אויך ניט: וויל זיא בעסער ער זאל זיין איין חודש אין דער ישיבה און צוויי חדשים אין דער היים. רב זאגט אז א מענטש טוהט אזיפץ צו ברעכט דאס איהם אהאלבין גוף. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק און דוא מענטש זאלסט זיפצען מיט אצוברעכונג פון דיינע לענדין און מיט ביטערקייט זאלסטו זיפצען. [און דיא לענדין זענין אהאלבער גוף]. רבי יוחנן זאגט אזיפץ צוברעכט דעם גאנצין גוף פון מענטשין. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק עס וועט זיין אז זייא וועלין זאגין צו דיר אויף וואס זיפצט דוא זאלסטו זאגין צו די הערונג וואס עס איז גיקומען עס צו גייט דאס גאנצע הארץ עס ווערין שוואך אלע הענט עס ווערט טונקעל יעדער געמיהט אלע קניא גייען אין וואסער. פרעגט דיא גמרא אויף רבי יוחנן עס שטייט דאך אין פסוק די לענדין וועלין צו בראכין ווערין. איז דאך נאר אהאלבער גוף. ענטפערט די גמרא דאס צוברעכונג הייבט אן פון די לענדין און עס ווערט צו בראכין דער גאנצער גוף. פרעגט דיא גמרא אויף רב עס שטייט דאך אין פסוק עס צו גייט דאס גאנצע הארץ עס ווערין שוואך אלע הענט עס ווערט טונקעל אלע געמיהטן. ענטפערט די גמרא די הערונג פון חורבן בית המקדש איז אנדערש זי איז גאנץ שטארק צו צערברעכין די גאנצע הארץ. איוד מיט אגוי זענין אמאהל גיגאנגען צו זאמען אין וועג. האט דער גוי ניט גיקענט גיין מיט דעם יוד: האט דער גוי דערמאנט דעם ייד דער בית המקדש איז חרוב גיווארין. האט דער יוד אזיפץ גיטאהן. פון דעסטוועגין האט נאך אלץ דער גוי ניט גיקענט גיין מיט דעם יוד. האט דער גוי גיזאגט צו דעם יוד איהר זאגט דאך אז אזיפץ צוא ברעכט אהאלבין גוף פון מענטשין. האט דער יוד גיזאגט דאס איז נאר אז מען

אף בכתה. אשה בלמודה לבכל בניה לקיברם היתה תמהה ומפחדת בשוה אחד מהם שכבר למודה היא: [בני פירקי. תלמידים שהרב מנוי להם בפירק ושונין פרקם ולנים בביתם: מאן דכתיב בהו. בבבלים קאמר לבבלי אומות]: שוא לכם משכימי קום מאחרי שבת. למלאכת הרשות אוכלים לחם בעצב: כן יתן הקב"ה לידידו שנה. למי שמנדד לכבודו ולמצותיו שינה: מנדדות שינה. ממתינות את בעליהן שהם בבית רבן ושונין פרקן [אלמא בשעת שינה עוסק בבית רבן ואת אמרת יש לבן פנאי לעונה בכל לילה: מפנקי דמערבא. בני א"י מעונגים במאכל ומשתה לכך הם בריאים ובעלי כח להשמיש: מאחר דהכי. שבעל כח אתה: א"כ. שלחום את כתי ולא יסמכוני: מה אנית. כח בעלמי להשתמש בו לעת זקנה]:

ו והטיילין בכל יום. מאי טיילין אמר רבא בני פירקי א"ל · ביי מאן דכתיב בהו] (תהלים קכז) שוא לכם משכימי קום מאחרי שבת אוכלי לחם העצבים כן יתן לידידו שנא וא"ר יצחק אלו נשותיהן של ת"ח שמנדדות שנה מעיניהם בעולם הזה ובאות לחיי העולם הבא [ואת אמרת בני פירקי אלא אמר אביי כדרב דאמר רב כגון רב שמואל בר שילת דאכיל מדידיה ושתי מדידיה וגני בטולא דאפדני' ולא חליף פריסתקא דמלכא אבבי' כי אתא רבין אמר כגון מפנקי דמערבא. ר' יוחנן הוה קסליק בדרגא הוו סמכו ליה ר' אמי ור' אסי איפחתא דרגא תותיה סליק ואסקינהו אמרי ליה רבנן וכי מאחר דהכי למה ליה למסמכיה אמר להו א"כ מה אניח לעת זקנה]:

זיפצט אויף אזעלכע זאך. אבער מיט דעם בית המקדש זענען מיר שוין געוואוהנט. צו ברעכט דאס גיט אזוי שטארק. ווארום מענטשן זאגן די אשה וואס איז געוואוהנט ביי איהר זאלין שטארבן קינדער אז א קינד שטארבט ביי איהר שרעקט זיא ניט אזוי שטארק: ווייל זי איז שוין געוואוהנט מיט דעם שרעק:

ו הטיילין. דארפין זיין ביי זייערע ווייבער אלע נאכט. וואס איז טיילין. האט רבא געזאגט דאס מיינט מען די תלמידים וואס לערנען ביי זייער רבי אין שטאט. און נעכטיגען אין דער היים דארפין זיי בועל זיין זייערע ווייבער אלע נאכט. האט אביי געזאגט די מענטשן וואס אויף די איז געזאגט געווארין דער פסוק איהר ארבעטער וואס איהר ארבעט פאר דיא וועלט. אומזיסט דאס איהר שטייט אויף פריא צו די ארבעט. און וואס איהר זיצט שפעט ביי נאכט ביי דיא ארבעט איז אויך אומזיסט. איהר עסט אייער געמאטערט ברויט. אזוי וועט גאט געבין עולם הבא צו דעם וואס ער האט ליב. ווייל ער שלאפט ווייניג ביי נאכט נאר ער לערנט תורה. און רבי יצחק האט געזאגט דאס מיינט מען די ווייבער פון די תלמידי חכמים וואס זיי שלאפין ווייניג ביי נאכט אויף דער וועלט. ווייל זיי ווארטין ביז שפעט אין דער נאכט אויף זייערע מאנען ביז זיי וועלין קומען פון בית המדרש. וועט זיא גאט געבין שכר אויף עולם הבא. זעהן מיר אז דיא תלמידים וואס לערנען אין זייער שטאט זענין אויך פארנומען ביי טאג און ביי נאכט מיט זייער לערנען און זיי האבין גאר ניט צייט צוא זיין ביי זייערע ווייבער אלע נאכט. און דוא רבא זאגסט אז דיא תלמידים דארפין יא זיין אלע נאכט ביי זייערע ווייבער. האט אביי געזאגט טיילין מיינט מען אזוי ויא רב האט געזאגט: אזוי א מענטש ווי רב שמואל בר שילת איז. ער עסט פון זיין אייגענע געלט און טרינקט פון זיין אייגענע געלט. און שלאפט אין זיין אייגענע שטוב. און דער שליח פון מלך איז קיין מאהל ניט פאר ביי געגאנגען נעבין זיין טיר. געמען ביי איהם פאראטקעס אזוי ארויהיגער מענטש דארף זיין ביי זיין ווייב אלע נאכט. רבין זאגט דיא מענטשן פון ארץ ישראל וואס זיי עסין גוט און טרינקען גוט און זיי זענין געזונד און שטארק דארפין זיי זיין ביי זייערע ווייבער אלע נאכט. רבי יוחנן איז אמאהל געגאנגען אויף טרעפ האבין איהם רבי אמי און רבי אסי געהאלפין ארויף גיין. ווייל זיא האבין געמיינט אז רבי יוחנן האט ניט קיין כח אליין ארויף צו גיין. האט זיך אוים געבראכין א טרעפ: האט רבי יוחנן ארויף געטרעטין אויף דעם אנדערין טרעפ: און האט מיט זיך ארויף געהויבין רבי אמי און רבי אסי אויך. האבין דיא רבנן צוא איהם געזאגט אז דוא ביסט אזוי שטארק צו וואס דארפסטו גיין אנגילעהנט. האט רבי יוחנן צו זיי געזאגט אז איך וועל אין דער יוגענד אפ שוואכין מיינע כחות וואס וועל איך טאהן אויף דער עלטער:

(ע"ב) ז נפיסקא החמרים אחת בשבת הגמלים אחת לשלשים יום וכו'] א"ל (רבא) רבה בר רב חנין לאביי חמר ונעשה גמל מאי א"ל רוצה אשה בקב ותיפלות מעשרה קבין ופרישות. [פיסקא הספנים אחת לו' חדשים דברי ר' אליעזר א"ר אדא בר אהבה אמר רב זו דברי ר' אליעזר אבל חכמים אומרים התלמידים יוצאים לת"ת ב' וג' שנים שלא ברשות. אמר רבא סמכו רבנן אדרב אדא בר אהבה ועבדי עובדא בנפשייהו כי הא דרב רחומי הוה שכיח קמיה דרבא במחוזא הוה רגיל דהוה אתי לביתיה כל מעלי יומא דכפורי יומא חד משכתיה שמעתא הוה מסכיא דביתהו השתא אתי השתא אתי לא אתי חלש דעתה אחיתת דמעתא מעינה הוה יתיב באיגרא אפחית איגרא פתותיה ונח נפשיה. [עונה של ת"ח אימת אמר רב יהודה אמר שמואל מע"ש לע"ש (תהלים א) אשר פריו יתן בעתו אמר רב יהודה ואיתימא וכו' זה המשמש מטתו מע"ש לע"ש]:

חמר ונעשה גמל מהו. נשאת לו כשהוא חמר מהו ליעשות גמל שלא ברשות הרווחה עדיפא לה שיתעשר או עונה עדיפא לה: ותיפלות. לשון נעול. עונה מי' קבים להתעשר: דברי ר' אליעזר. המתני' קאי וסיפא דמתני' נמי: אבל דברי ר' אליעזר. הכי עונות ויוצאות שלא ברשות ותנאי דקתני התלמידים יוצאין לת"ת שלא ברשות ל' יום סמכו רבנן. התלמידים שבדורנו סומכין על דבריו ויוצאין שלא ברשות: ועבדי עובדא. בעותיה: בנפשייהו. והוא לא להם ליטול מהם נפשות בנענשים ומתים: מסכיא. תרגום של מצפה:

ז פיסקא. החמרים: די וואס פארן מיט אייזלען דארפין זיין ביי זייערע ווייבער איין מאהל אין וואך. אונ דיא וואס פארן מיט קעמלען דארפין זיין ביי זייערע ווייבער איין מאהל אין דרייסיג טעג. האט רבה בר רב חנין גיזאגט צו אביי אז אשה האט חתונה גיהאט מיט איינעם וואס פארט מיט אאייזיל. אונ איצט וויל דער מאן פארין מיט קעמלען. אן איהר ווילען מעג ער אדער ניין אויב זיא וויל בעסער דער מאן זאל מער פארדינגען אפילו ער וועט נאר זיין ביי איהר איין מאהל אין דרייסיג טעג. מעג ער פארין מיט קעמלען. אונ אויב זיא וויל בעסער דער מאן זאל זיין ביי איהר איין מאהל אין דער וואך אפילו ער וועט ווייניגער פארדינגען. טאר ער ניט פארין מיט קעמלען אן איהר ווילען. האט אביי גיזאגט אאשה וויל בעסער דער מאן זאל ווייניגער פארדינגען נאר ער זאל זיין ביי איהר עפטערס. איידער ער זאל פארדינגען צעהן מאל אזוי פיל אונ ער זאל זיין אפ גישיידט פון איר. דריבער טאר ער ניט פארין מיט קעמלען סיידין זיא וועט אים הייסין: דיא מענטשין וואס זייער פרנסה איז צוא פארין מיט שיפען דארפין זייא זיין ביי זייערע ווייבער איין מאהל אין זעקס חדשים: אזוי זאגט רבי אליעזר. רב אדא בר אהבה האט גיזאגט פון רבס וועגין וואס עס שטייט אין דער משנה אז א תלמיד טאר ניט אוועק פון ווייב אן איר ווילען תורה לערנען לייניגער ווייא אויף דרייסיג טעג. דאס זאגט נאר רבי אליעזר. אבער דיא חכמים זאגין דיא תלמידים מעגין גיין לערנען תורה אויף צוויא דרייא יאהר אן דער ווייבס ווילען. רבא זאגט דיא רבנן האבין זיך פאר לאזין אויף דיא רייד פון רב אדא בר אהבה אונ האבין אזוי גיטאהן דיא וועגין אוועק גיגאנגען תורה לערנען אויף צווייא דרייא יאהר אן זייערע ווייבערס ווילען. אבער גאט האט זיי גישטראפט מיט נפשות. זייא זענין גישטארבין. רב רחומי האט גילערנט ביי רבא אין די שטאט מחוזא. אונ ער איז גיוועזן גיוואוהנט צוא קומן אהיים אלע ערב יום כפור. א מאהל איז ער גיוועזן פארטומעלט מיט זיין לערנען אונ ער איז ניט גיקומען אהיים ערב יום כפור. דאס ווייב האט אום גיקוקט איצט קומט ער איצט קומט ער. אונ ער איז נים גקומען. האט זי גיהאט צער אונ עס איז ארוס גגאנגען טרערין פון אירע אויגין. אונ רב רחומי איז גיזעסין אויף אבוידים האט זיך איין גיבראכין דער בוידים אונטער אים אונ ער איז אראפ גיפאלין אונ גישטארבין. ווען איז דיא צייט פון א תלמיד חכם ער זאל זיין ביי זיין ווייב. האט רב יהודה גזאגט פון שמואלס וועגין פון ערב שבת צו ערב שבת ואלע פרייטאג צו נאכט). אין פסוק שטייט זיין פרוכט וועט ער געבין אין זיין צייט: האט רב יהודה גזאגט דס מיינט מען דער וואס בהעפט זיך מיט זיין ווייב פון ערב שבת צו ערב שבת (אלע פרייטאג צו נאכט):

ח יהודה בריה דר' חייא חתניה דר' ינאי הוה אזיל ויתיב בבי רב וכל בי שמשא הוה אתי לביתיה וכי הוה אתי הוה קא חזי קמיה עמודא דנורא יומא חד משכתיה שמעתא כיון דלא חזו ההוא סימנא אמר להו ר' ינאי כפו מטתו שאלמלא יהודה קיים לא ביטל עונתו הואי (קהלת י) כשגגה שיוצאה מלפני השליט ונח נפשיה:

ט רבי איעסק ליה לבריה בי ר' חייא כי מטא למכתב כתובה נח נפשה דרביתא אמר רבי ח"ו פסולא איכא יתבו ועיינו במשפחות רבי אתי משפטיה בן אביטל ור' חייא אתי משמעי אחי דוד אזיל איעסק ליה לבריה בי ר' יוסי בן זמרא פסקו ליה תרתי סרי שנין למיזל בבי רב אחלפוה קמיה אמר להו ניהוו שית שנין אחלפוה קמיה תניין אמר להו איכנים והדר איזיל הוה קא מכסיף מאבוה אמר ליה בני דעת קונך יש בך מעיקרא כתיב (שמות טו) תבאמו ותטעמו ולבסוף כתיב (שם כה) ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם. אזל יתיב תרתי סרי שני בבי רב עד דאתי איעקרא דביתהו אמר

כפו מטתו. כדת המתאבל דחייב בכפיית המטה: איעסק לבריה. להשיאו בתו של ר' חייא: היכא פסולא. שלא היו מהוגנים לזוג אחד: שפטיה בן אביטל. בן דוד היה. אביטל שם אשת דוד: ור' חייא אתי משמעי. וזהו הפסול שרבי היה מבית דוד ולא היתה בת הכלה משמעי כוגנו לגנו שלא היתה בת מלכים: פסקו ליה תרתי סרי שנין. קודם שיכניס: אחלפוה קמיה. העבירו הנערה לפני החתן: דעת קונך יש בך. שאמר להרחיק זמן הוספתו וחזר והרבה מרוב חבת כלתו: מעיקרא כתיב הבאמו ותטעמו. בהר נחלתך מכון לשבתך פעלת ה' שיהיו נאכן ואח"כ יבנה לו מקדש: ולבסוף אמר ועשו לי מקדש. במדבר: איעקרא.

ח יהודה דער זוהן פון רבי חייא דער איידים פון רבי ינאי פלעגט ער גיין לערנען אין בית המדרש אגאנצע וואך. אונ אלע פרייטאג פארין נאכט פלעגט ער קומען אהיים; אונ אז ער פלעגט קומען אהיים פלעגט ער זעהן פאר זיך אפייערדיגען זייל. אמאהל איז יהודה גיוועזען פארטומעט מיט זיין לערנען ערב שבת. איז שוין שפעט געוועזען אונ ער איז נאך ניט גיקומען אהיים. ווייל דיא שטוב מענטשין האבין ניט גיזעהן דעם צייכען פון דעם פייערדיגען זייל. האט רבי ינאי צוא זייא גיזאגט קערט אום זיין בעט. ער איז געוויס גישטארבין ווארום אז יהודה וואלט גילעבט וואלט ער געוויס גיקומען אהיים צוא זיין ווייב אויף שבת. גאר באמת האט יהודה פריער גילעבט. נאר ווייל רבי ינאי האט ארויס גירעדט דעם ווארט אז יהודה איז גישטארבין. איז ער דיא מנוח גישטארבין; אזוי וויא אמלך רעדט אמאהל ארויס אווארט אומגערין פעט זאל דעם מענטשין הרגענען. אונ מען הרגעט אים. אזו איז גיוועזען דא בייא רבי ינאי מיט יהודה:

ט רבי האט גיוואלט חתונה מאכען זיין זוהן מיט דיא טאכטער פון רבי חייא. אז מען איז גיקומען שרייבין דיא כתובה איז דיא מיידיל ודיא טאכטער פון רבי חייאו גישטארבין. האט רבי גיזאגט טאמער איז חס ושלום דא אפסול וואס זייא זענען ניט ווערט גיווערט חתונה צוא האבין ביידע. זענען זייא גיזעסען אונ האבען גיקלערט זייערע פאמיליעם. דיא פאמיליע פון רבי איז גיוועזען פון שפטיה בן אביטל ושפטיה איז גיוועזען אזוהן פון דוד המלך. אונ אביטל איז גיוועזען אווייב פון דודו. אונ דיא פאמיליע פון רבי חייא איז גיוועזען פון שמעי דער ברודער פון דוד המלך. איז גיגאנגען רבי אונ האט גיטאהן אשידוך מיט זיין זוהן מיט דיא טאכטער פון רבי יוסי בן זמרא. האט מען אוים גירעט אז דער חתן זאל פאר די חתונה אין אישיבה לערנען אויף צוועלף יאהר. האט מען פאר ביי געפירט דיא כלה פאר דעם חתן. האט דער חתן גיזאגט זאל נאר זיין זעקס יאהר. האט מען נאך אמאהל פאר ביי געפירט דיא כלה פאר דעם חתן; האט דער חתן גיזאגט פריער וועל איך חתונה האבין דער נאך וועל איך פארין לערנען. האט זיך דער חתן גישעמט פאר זיין פאטער אזוי צוא זאגין. האט רבי גיזאגט צים חתן מיין זוהן. אין דיר איז דא אזוי אמיינונג ווי גאט האט גיטאהן; פריער שטייט אין פסוק דוא זאלסט אים בריינגען אין ארץ ישראל אונ אים דארט איין פלאנצין. דער נאך זאל מען באהען אבית המקדש. האט גאט אפ גיליינט זיין בהעפטיגונג מיט דיא יודין

אמר רבי היכי נעביד נגרשה יאמרו עניה זו לשוא שמרה נינסיב אתתא אחריתי יאמרו זאת אשתו וזאת זונתו בעא עלה רחמי ואיתסיאת:

י רבי חנינא בן חכינאי הוה קאזיל לבי רב בשילהי הלוליה דרשב"י א"ל איעכב לי עד דאתאי בהדך לא איעכב ליה אזל יתיב תרי סרי שני בבי רב עד דאתי אשתנו שבילי דמתא ולא ידע למיזל לביתיה אזל יתיב אגודא דנהרא שמע להההיא רביתא דהוו קרו לה בת חכינאי בת חכינאי מלי קולתך והא ניזיל אמר ש"מ האי רביתא דידן אזל בתרה הוה יתיבא דביתהו קא נהלא קמחא דל עינה חזיתיה סוי לבה פרח רוחה אמר לפניו רבש"ע עניה זו זה שכרה בעא רחמי עלה וחיתה:

יא רבי חמא בר ביסא אזל יתיב תרי סרי שני בבי מדרשא כי אתא אמר לא אעביד כדעביד בן חכינאי עייל יתיב במדרשא שלח לביתיה אתא ר' אושעיא בריה יתיב קמיה

נעשית עקרה כן דרך העומדת פעם שנים בלא בעל:
בשילהי הלוליה דר"ש. סוף ימי חופתו: איעכב לי. המתן לי עד שילכו ימי חופתי ואלך עמך לבי רב: אשתנו שבילי דמתא. שנבנו בניינים חדשים ונסתמו בה מבואות: לההיא רביתא. נערה: סוי לבה. ראה לבה כלו' דמה אלמם פתאום שזה בעלה:
לא אעביד כדעבד בר חכינאי. שנכנס לביתו פתאום. יתיב קמיה. ולא היה מכיר מי הוא:
תוס

אויף אציים שפעטער. דער נאך שטייט זיין פסוק גאט האט גזאגט מען זאל מאכן אמקדש שוין אין דער מדבר און איך וועל רוהען צווישען זיא. האט דער חתן חתונה גיהאט. און נאך דער חתונה איז ער גיפארין אין אישיבה און האט דארט גילערונט צוועלף יאהר; ביז ער איז גיקומען אהיים איז זיין ווייב גיווארין אעקרה. נאז אויב זיצט צעהן יאהר אן אמאן ווערט זיא אעקרה האט רבי גזאגט וואס זאל מען איצט טאהן. ער זאל איר גטין. וועט מען זאגין דיא ארעמע האט אומזיסט גיווארט צוועלף יאהר אויף איר מאן. זאל ער נעמען נאך אווייב. וועט מען זאגין דאס איז אווייב. און דאס איז אזונה. האט רבי מתפלל גיוועזן אויף איר איז זיא גיזונד גיווארין:

י רבי חנינא בן חכינאי האט גיוואלט גיין לערנען אין אישיבה: אין דיא לעצטע טעג פון רבי שמעון בר יוחאי חתונה. האט רבי שמעון גזאגט צוא רבי חנינא ווארט ביז נאך דיא זיבען טעג פון מיין חתונה. וועל איך גיין מיט דיר צו נאמען. האט רבי חנינא ניט גיווארט. און איז אליין גיגאנגען אין דער ישיבה. און ער איז גיזעסין אין דער ישיבה צוועלף יאהר. ביז ער איז גיקומען אהיים וועגין גיענדערט גיווארין דיא גאסין פון שטאט. האט ער ניט גיוואוסט צוא גיין אהיים. איז ער גיגאנגען און האט זיך גיזעצט ביי דעם ברעג טייך. האט ער גיהערט מען זאגט צוא אמיידל דוא טאכטער פון חכינאי דוא טאכטער פון חכינאי שעפ אן אפולען קרוג וואסער און קום מיר וועלין גיין. האט רבי חנינא גזאגט דיא מיידיל מוז זיין פון אונזער שטוב. איז רבי חנינא גיגאנגען נאך איר ביז אין שטוב אריין. איז זיין ווייב גיזעסין און האט גיזיפט מעהל. האט זיא אויף גיהויבין אירע אויגין און האט אקוק גיטאהן אויף איהם. האט זיך איר גידוכט אז דאס איז איר מאן. פאר שרעק איז פון איר ארויס דיא נשמה. האט רבי חנינא גזאגט פאר גאט רבונו של עולם דס איז דער שכר פון דיא ארעמע וואס האט אזוי לאנג גיווארט אויף מיר. האט רבי חנינא מתפלל גיוועזן אויף איר איז זיא לעבעדיג גיווארין:

יא רבי חמא בר ביסא איז גיזעסין אין אפרעמדע שטאט אין בית המדרש צוועלף יאהר. אז ער איז גיקומען צוריק אין זיין שטאט. האט ער גזאגט איך וועל ניט טאהן אזוי ויא בן חכינאי האט גיטאהן. וואס ער איז אריין גיגאנגען אין שטוב פלוצלינג. נאר ער איז אריין גיגאנגען אין בית המדרש. און ער האט געשיקט אהיים זאגין אז ער איז גקומען. דער ווייל איז גיקומען רבי אושעיא דער זוהן פון רבי חמא. און איז גיזעסין פאר רבי חמא און זיא האבין איינער דעם אנדערין ניט גיקענט. און ער האט אים גיפרעגט אריין.

פירוש. גבריה דמתהדרן שמעתתיה: אי הואי הכא. אלו הייתי כאן (שכנסתי) [כשכנסתי] בני קטן אבלבתי הייתי מלמדו תורה והיה הכם כזה: כלבא שבוע. שם אחד מעשירי ירושלים שכל הנכנס לביתו רעב ככלב היה יוצא שבע: קא מגנדרת. לא מסכנת: שיבבתא. השכנות: שלי ושלכם שלה

קמיה הוה קא משאיל ליה שמעתא חזא דקא מהדרן שמעתתיה חלש דעתיה אמר אי הואי הכא הוה לי זרע כי האי על לביתיה על בריה קם קמית הוא סבר למשאל שמעתתא קא בעי אמרה ליה דביתהו מי איכא [אבא] דקאים מקמי (ינוקא) [ברא] קרי עליה רמי בר חמא (קהלת ד) והחוט המשלש לא במהרה ינתק זה ר' אושעיא בנו של ר' חמא בר ביסא:

יב רבי עקיבא רעיא דבן כלבא שבוע הוה חזיתיה ברתיה דהוה צניע ומעלי אמרה ליה אי מקדשנא לך אזלת לבי רב אמר לה אין איקדשא ליה בצנעא ושדרתיה שמע אבוה אפקה מביתיה אדרה הנאה מנכסיה אזל יתיב י"ב שני בבי רב כי אתא איתיה בהדיה תריסר אלפי תלמידי שמעיה להחוא סבא דקאמר לה עד כמה (דף סג) קא מדברת אלמנות חיות אמרה ליה אי לדידי צייח יתיב תריסר שנין אחריני אמר ברשות קא עבידנא הדר אזל יתיב תרי סרי שנין אחריני בבי רב כי אתא אייתיה בהדיה כ"ד אלפי תלמידי שמעה דביתהו הות קא נפקא לאפיה אמרו לה שיבבתא שאילי מאני לבוש ואיכסאי אמרה להו (משלי יב) יודע צדיק נפש בהמתו כי מטיא לגביה נפלה

האט רבי חמא גיזעהן אז זיינע דינים זענען שארף ווער האט אשארפין שכלו. האט רבי חמא גיהאט צער. אונ האט גיזאגט ווען איך וואלט גיוועזן אין דער היים. וואלט מיין קינד אויך גיוועזן אזוי אלמדן וויא דער קינד איז. ווארום איך וואלט מיט אים גילערענט. איז רבי חמא גיגאנגען אהיים. איז זיין זוהן אויך אריין גיקומען. אונ וויל רבי חמא האט נאך ניט גיוואוסט אז דאס איז זיין זוהן האט זיך רבי חמא אויף גישטעלט פאר אים. ווארום ער האט גימיינט אז דער קינד איז גיקומען פרעגין אדין. האט דאס וויב גיזאגט צוא רבי חמא שטייט דען אויף אפאטער פאר אזוהן: דאס איז דאך דיין זוהן. האט רמי בר חמא אויף אים גילייענט דעם פסוק. דריי פעדים צו זאמען גיפלאכטין וועט ניט גיוויינט צוא ריסען ווערין: דאס איז רבי אושעיא דער זוהן פון רבי חמא. אונ רבי חמא איז דער זוהן פון רבי ביסא: דריא לומדים: צוא זאמען אין איין מאהל. וועט שוין דיא תורה נים אוועק געריסען ווערין פון זייא:

יב רבי עקיבא איז גיוועזן אפאסטוך ביי בן כלבא שבוע: דיא טאכטער פון כלבא שבוע האט גיזעהן אויף רבי עקיבא אז ער איז גוט אונ פרום. האט זיא גיזאגט צו איהם אויב איך וועל צו דיר מקודש ווערין וועסטו גיין אין בית המדרש לערנען. האט רבי עקיבא צוא איר גיזאגט יא. האט רבי עקיבא איר מקדש גיוועזן אין דער שטיל. אונ זיא האט אים אוועק געשיקט אין בית המדרש. וויא דער פאטער האט דאס גיהערט האט ער איר ארויס געטריבען פון שטוב. אונ האט אנדר גיטאהן זיא זאל ניט הנאה האבין פון זיין פארמעגין. און רבי עקיבא איז גיזעסין צוועלף יאהר אין בית המדרש. אז רבי עקיבא איז צוריק גיקומען פון בית המדרש האט ער גיבראכט מיט זיך צוועלף טויזענד תלמידים. האט רבי עקיבא גיהערט וויא אאלטער מאן זאגט צו זיין וויב ביז וויא לאנג וועסטו זיך פירען וויא אלעבעדיגע אלמנה. האט זיא גיזאגט צום אלטען ווען רבי עקיבא וואלט מיך פאלגין וואלט ער גיזעסין נאך צוועלף יאהר אין בית המדרש. האט רבי עקיבא צוא זיך אליין גיזאגט אז דאס איז איהר ווילען. איז ער צוריק גיגאנגען אין בית המדרש אונ איז דארט גיזעסין נאך צוועלף יאהר אז רבי עקיבא איז נאך אמאהל צוריק גיקומען פון בית המדרש האט ער גיבריינגט מיט זיך פיר אונ צוואנציג טויזענד תלמידים. האט דאס וויב גיהערט אז רבי עקיבא קומט. איז זיא ארויס גיגאנגען צו אים אנטקעגין. האבין דיא שכנות צו איר גיזאגט בארג דיר קליידער

נפלה על אפה קא מנשקא ליה לכרעיה הוו קא מדחפי לה שמעיה אמר להו שבקוה שלי ושלכם שלה הוא שמע אבוה דאתא גברא (רבא) [רבה] למתא אמר איזיל לגביה אפשר דמיפר נדראי אתא לגביה א״ל ארעתא דגברא (רבא) [רבה] מי נדרת א״ל אפילו פרק אחד ואפילו הלכה אחת א״ל אנא הוא נפל על אנפיה ונשקיה על כרעיה ויהב ליה פלגא ממוניה ברתיה דר׳ עקיבא עבדא ליה לבן עזאי הכי והיינו דאמרי אינשי רחילא בתר רחילא אזלא כעובדי אמה כך עובדי ברתה . רב יוסף בריה דרבא שדריה אבוה לבי רב לקמיה דרב יוסף פסקו ליה שית שנין כי הוה תלת שני כמטא מעלי יומא דכפורי אמר איזיל ואחזינהו לאינשי ביתי שמע אבוה שקל מנא ונפק לאפיה א״ל זונתך נזכרת איכא דאמרי א״ל יונתך נזכרת איטרוד לא מר אפסיק ולא מר אפסיק :

הוא תורה שלמדתי אני ושלמדתם אתם של ידה הוא : שקל מנא . כלי זיין כאלו בא להלחם : איטרוד . באותה מריבה : לא מר אפסיק ולא מר אפסיק . לא אכלו סעודתא יוה״כ שמפסיק בה אכילה להתענות . סעודה אחרונה של עט״ב יוה״כ קרי סעודה המפסקת שמפסיק בה במס׳ תענית : אין בית דין פוסקין יינות לאשה . שהיין מרגילה לגאות

(דף סה) **יג אין** פוסקין יינות לאשה וא״ת (הושע ג) אלכה אחרי מאהבי נותני לחמי ומימי צמרי ופשתי שמני ושקויי דברים שהאשה משתוקקת על הן

אונ קלייערט דיך אן אונ דעק דיך צו ׃ האט זיא געזאגט צו דיא שכנות דעם פסוק דער צדיק ווייסט דעם נפש פון זיין בהמה (מיין מאן ווייסט אז איך בין ארעם) . וויא זיא איז געקומען צו רבי עקיבא איז זיא געפאלין אויף איר פנים אונ האט געקושט זיינע פים . האט דער בעדינער פון רבי עקיבא איר געוואלט אוועק שטויסין . האט רבי עקיבא צו זייא געזאגט לאזט איר מיין תורה אונ אייער תורה איז געקומען דורך איר . האט איר פאטער כלבא שבוע געהערט אז עס איז געקומען אגרויסער למדן אין שטאט . האט ער געזאגט איך וועל גיין צו איהם . טאמער וועט ער מיר מתיר זיין מיין נדר . איז כלבא שבוע געקומען צו רבי עקיבא האט רבי עקיבא געזאגט צו איהם אז דו וואלסט וויסען אז דיין טאכטערס מאן איז אגרויסער למדן וואלסטו אנדר געטאהן דיין טאכטער זאל פון דיר קיין הנאה ניט האבין . האט כלבא שבוע געזאגט אפילו איהר מאן וואלט נאר געקענט איין פרק משניות . אונ אפילו נאר איין דין ׃ וואלט איך אויך ניט געטאהן דעם נדר . האט רבי עקיבא געזאגט איך בין דיין טאכטערס מאן . איז כלבא שבוע געפאלין אויף זיין פנים אונ האט איהם געקושט זיינע פים . אונ האט איהם געשיינקט העלפט פון זיין פארמעגין . דיא טאכטער פון רבי עקיבא האט אזוי געטאהן צו איר מאן בן עזאי . דאס איז וואס מענטשין זאגין אשעפס גייט נאך אשעפס . אזוי וויא דיא מוטער טוהט . אזוי טוהט דיא טאכטער . רבא האט געשיקט זיין זוהן רב יוסף ער זאל לערנען אין בית המדרש בייא רב יוסף זעקס יאהר . וויא עס איז געקומען ענדע דרייא יאהר ערב יום כפור ׃ האט רב יוסף געזאגט איך וועל גיין אהיים זעהן מיינע שטוב מענטשין . וויא דער פאטער האט געהערט אז זיין זוהן קומט אהיים . האט ער גענומען געווער (אשווערד אביקס) אונ איז געגאנגען אנטקעגין זיין זוהן . אונ האט געזאגט צו איהם דו האסט דיך דער מאנט אן דיין ווייב . אנדערע זאגין אזוי האט ער געזאגט צו איהם דו האסט דיך דער מאנט אן דיין טויב ׃ האבין זייא ביידע געקריגט . ניט דער פאטער האט גיגעסין דיא סעודה המפסקת . אונ ניט דער זוהן האט גיגעסין דיא סעודה המפסקת (דיא סעודה וואס מען עסט ערב יום כפור פארין נאכט הייסט סעודה המפסקת) ׃

יג אין ׃ אז מען דארף שפייזין אאשה פון איר מאנס פארמעגין . אדער פון יתומים'ס פארמעגין . זאל מען איהר ניט געבין וויין אונ ניט געלט אויף וויין . טאמער וועסטו פרעגין עס שטייט דאך אין פסוק איך וועל גיין נאך די מענטשין וואס האבין מיך ליב וואס זיי געבען מיר מיין ברויט אונ מיין וואסער אונ מיין וואל אונ מיינע פלאקס שמני ושקויי . מיין אייל אונ מיין

לגלות תבמים : [לציקי קדרה . להטעים תבשיל : תובעת בפה. הטמים : ויכולו על כיסם.

עליהן ומאי נינהו הכשיטין דרש ר' יהודה איש כפר גבוריא ואמרי לה איש כפר גבור חיל מנין שאין פיסקין יינות לאשה שנאמר (ש"א א) ותקם חנה אחרי אכלה בשילה ואחרי שתה שתה ולא שתת אלא מעתה אכלה ולא אכלו ה"נ אנן מדשני קרא בדבוריה קאמרינן מכדי בגוה קעסיק ואתי מ"ט שני ש"מ שתה ולא שתת [א"ר אבהו א"ר יוחנן מעשה בכלתו של נקדימון בן גוריון שפסקו לה חכמים סאתים יין לציקי קדרה מע"ש לע"ש אמרה להן כך תפסקו לבנותיכם תנא שומרת יבם היתה ולא ענו אחריה אמן תנא כוס א' יפה לאשה ב' ניוול הוא לה ג' תובעת בפה ד' אפילו חמור תובעת בשוק ואינה מקפדת אמר רבא לא שנו אלא שאין בעלה עמה אבל בעלה עמה לית לן בה והא חנה דבעלה עמה הנאי אכסנאי שאני דאמר רב הונא מנין לאכסנאי שאסור בתשמיש המטה שנאמר (ש"א א) וישכימו בבקר וגו' וישובו ויבואו אל ביתם הרמתה וידע אלקנה את חנה אשתו השתא אין מעיקרא לא.

חוטא

ווין וואס איך פלעג טרינקען . ווען מיר דאך אז דער שטייגער איז א אשה זאל טרינקען ווין . ענטפערט די גמרא שקויי איז ניט דער טייטש מיין טרינקען . נאר מיין גלוסטינג . אזעלכע זאכן וואס א אשה גלוסט צו זיי . דאס איז איהרע צירונג . רבי יהודה פון דארף גבוריא . אנדערע זאגן פון דארף גבור חיל . האט ער גידרשת פון וואנען ווייסן מיר אז מען שפייזט א אשה פון איהר מאנס פארמעגין . אדער פון יתומים פארמעגין זאל מען איהר ניט געבין ווין אונ ניט געלט אויף ווין . ווארום עס שטייט אין פסוק חנה איז אויף גישטאנען אחרי אכלה בשילה ואחרי שתה . נאך דעם ווייא זיא האט אפ גיגעסין אין שילה אונ נאך זיין טרינקען . שתה שטייט . זיין טרינקען . ווייא אלקנה האט גיטרונקען . אונ עס שטייט ניט שתת . איהר טרינקען . ווארום חנה הט ניט גיטרונקען . פרעגט די גמרא אוב שתה מיינט מען זיין טרינקען אונ זי הט ניט גטרונקן וועלין מיר טייטשען אחרי אכלה . נאך איהר עסין . אבער ניט נאך זיין עסין . ווארום ער האט ניט גיגעסין ענטפערט דיא גמרא מיר דרשנן נאר ווייל דער פסוק האט גיענדערט זיינע רייד . דער פסוק שטעהט דאך פון איר . פר וואס בייא עסין שטייט אכלה . איר עסין . אונ ביי טרינקען שטייט ניט שתת . איר טרינקען : נאר עס שטייט שתה . זיין טרינקען : ווייל חנה הט ניט געטרונקען . ווארום א אשה דארף ניט טרינקען קיין ווין : רבי אבהו הט גזאגט פון רבי יוחנן וועגין דיא שנור פון נקדימון בן גוריון האט גיבארפט נעמען שפייז פון איר מאנס פאר מעגין . האבין די חכמים גיפסקת מען זאל איר געבין אלע פרייטאג צווייא סאה ווין אריין צו גיסען אין איהרע עסינתאג דיא גאנצע וואך . האט זיא גזאגט צוא דיא חכמים צו אייערע טעכטער זאלט איר אויך אזוי צו זאגין : מיר האבען גילערנט ווייל איר מאן איז גישטארבין אן קינדר אונ זי הט גיווארט איר מאנס ברודער זאל מיט איר חתונה האבען . דריבער האבען דיא חכמים ניט גיענטפערט אמן אויף איר ברכה . מיר האבען גילערנט איין כוס ווין איז פר א אשה שיין צו טרינקען . צוויי כוסות ווין איז פר א אשה מיאוס צו טרינקען . אז זיא טרינקט דרייא כוסות ווין מאנט זיא אונ זאגט מען זאל איר בועל זיין . אז זיא האט גיטרונקען פיר כוסות ווין וואלט זיא גערין אפילו א אייזיל ובהמה זאל איר בועל זיין אין גאס אונ וואלט דוך ניט גישעמט : רבא זאגט ווען זאל א אשה ניט טרינקען ווין נאר אז דער מאן איז ניט מיט איר . אבער אז דער מאן איז מיט איר מעג זיא טרינקען ווין . פרעגט די גמרא פאר וואס האט חנה ניט גיטרונקען ווין . דער מאן איז דאך גיוועזן מיט איר : ענטפערט די גמרא ווייל זיא זענען גיוועזן געסט . פרעמדע מענטשין : אונ רב הונא האט גזאגט פון וואנען ווייסן מיר אז א גאסט טאר ניט משמש המטה זיין ביז ער קומט אהיים : ווארום עס שטייט אין פסוק אלקנה מיט זיינע ווייבער זענען אויף גישטאנען גאנץ פריא אונ זענען אוועק גיגאנגען אונ זענען גיקומען אהיים . אין דיא שטאט הרמה . אונ אין דער היים האט אלקנה בועל גיווען זיין

חומא דביתהו דאביי אתאי לקמיה דרבא אמרה ליה פסוק לי מזוני פסק לה פסוק לי חמרא אמר לה ידענא ביה בנחמני דלא הוה שתי חמרא אמרה ליה חיי דמר דהוי משקי ליה בשופרזי כי האי בהדי דקא מחויא ליה איגלי דרעא נפל נהורא בבי דינא קם רבא על לביתיה תבעה לבת רב חסדא אמרה ליה בת רב חסדא מאן הוי האידנא בבי דינא אמר לה חומא דביתהו דאביי נפקא אבתרה מחתא לה בקולפי דשידא עד דאפקה לה מכולי מחוזא אמרה לה קטלת ליך הלתא ואתת למקטל אחריני]:

והדר וידע אלקנה: מומא. זה שמה: שופרזי. גביעים ארוכים: כי כלי. כמדה אמתי חרועי. פ.טב: לבת רב חסדא. הבע את אשתו לתשמיש: בקולפי דשידא. כמנעול של ארגז: קטלת לך תלתה. שכבר ניסת לשלשה ומתו כדאמרינן ביבמות: למקטל אחריני. שבאת לגרות יוסיף שיקפתו לאם עליך]: ולא כדין מתלין מתליא. ולא כך היו מושלין משל

מציאת האשה פרק ששי

(דף סו ע"ב) **א ת"ר** מעשה בריב"ז שהיה רוכב על החמור והיה יוצא מירושלים והיו תלמידיו מהלכים אחריו ראה ריבה אחת שהיתה מלקטת שעורים מבין גללי בהמתן של ערביים כיון שראתה אותו נתעטפה בשערה ועמדה לפניו אמרה לו רבי פרנסני אמר לה בת מי את אמרה לו בת נקדימון בן גוריון אני אמר לה בתי ממון של בית אביך היכן הלך אמרה לו רבי לא כדין מתלין מתליא בירושלים

ווייב חוה. אין דער היים. אבער ניט ווען זיא זענין געוועזן אין שילה. ווייל זייא זענען דארט געווען געסט. חומא דיא ווייב פון אביי איז געקומען פר רבא אונ זיא האט גזאגט צו אים. ער זאל פסקנן מען זאל איר שפייזן. האט רבא געפסקנת מען זאל איר שפייזן. דער נאך האט חומא געבעטן ביי רבא ער זאל פסקנן מען זאל איר ווין אויך געבין. האט רבא געזאגט צו איר איך ווייס אז אביי אליין פלעגט אויך ניט טרינקען קיין ווין. האט חומא געזאגט צוא רבא איך שווער אזוי וויא דער רבי לעבט אז איך פלעג געבין צו מיין מאן אביי גרויסע בעכערס ווין. יעדער בעכער איז געוועזן גרויס וויא דיא האנט. וויא זיא האט אויף גירעקט די האנט צו ווייזין דיא גרייס פון בעכער. איז ליכטיג געווארין אין בית דין שטוב. איז רבא אויף געשטאנען פון זיין ארט אונ איז גיגאנגען צו זיך אהיים. אונ ער האט גיבעטין ביי דיא טאכטער פון רב חסדא דאס איז זיין ווייב. ער זאל איר בועל זיין. הט דיא טאכטער פון רב חסדא זיין ווייב צו אים געזאגט ווער איז איצט געוועזן אין בית דין שטוב. הט רבא צוא איר געזאגט חומא דיא ווייב פון אביי איז געוועזן. האט דיא ווייב פון רבא גינומען אשלאס פון א קאסטען אונ האט גישלאגען דיא חומא אונ האט איר נאך גיאגט ביז זיא האט איר ארויס געטריבען פון דיא גאנצע שטאט מחוזא. אונ דיא ווייב פון רבא הט גזאגט צוא חומא. דוא האסט שוין דריי מאנען גיהרגעת. ביסטו גקומען ווייזען דיין שיינקייט נאך אפערטער מאן זאל דיך נעמען. דוא זאלסט אים אויך הרגענן:

פרק ששי

א תנו רבנן. דיא רבנן האבען גילערנט עס הט אמאהל גיטראפען רבן יוחנן בן זכאי האט גערייטען אויף אאייזיל. אונ ער האט ארויס גערייטען פון ירושלים. אונ זיינע תלמידים זענען גיגאנגען אינטער אים: האט רבן יוחנן גיזעהן אאשה קלויבט גערשטין פון דיא מיסט פון דיא בהמות פון דיא אראבער. וויא דיא אשה האט גיזעהן רבן יוחנן קומט. הט זי בדעקט איר פנים מיט אירע האר אונ זיא האט זיך גישטעלט פאר רבן יוחנן. אונ זיא האט גזאגט צוא רבן יוחנן רבי שפייז מיך. האט רבן יוחנן צו איר גזאגט וועמס טאכטער ביסטו. האט דיא אשה גזאגט איך בין דיא טאכטער פון נקדימון בן גוריון. האט רבן יוחנן צו איר גזאגט. מיין טאכטער דיא געלט פון דיין פאטער וואו איז אוועק גיגאנגען. האט זיא גזאגט צוא רבי

בירושלים מלח ממון חסר ואמרי לה חסד ושל חמיך היכן הוא אמרה לו בא זה ואבד את זה אמרה רבי זכור אתה כשחתמת על כתובתי אמר להם לתלמידיו זכור אני כשחתמתי על כתובתה של זו והייתי קורא בה אלף אלפים דינרי זהב מבית אביה חוץ משל חמיה בכה ריב"ז ואמר אשריכם ישראל בזמן שעושין רצונו של מקום אין כל אומה ולשון שולטת בהם ובזמן שאין עושין רצונו של מקום מוסרן ביד אומה שפלה ולא ביד אומה שפלה אלא ביד בהמתן של אומה שפלה. ונקדימון בן גוריון לא עשה צדקה והתניא אמרו עליו על נקדימון בן גוריון כשהיה יוצא מביתו לבית המדרש כלי מילת היו (דף סז) מציעין תחתיו ובאו עניים ומקפלין אותם מאחריו אבע"א לכבודו הוא דעבד ואבע"א כדבעי ליה למעבד לא עבד כדאמרי אינשי לפום גמלא שיחנא. תניא א"ר אלעזר בר צדוק אראה בנחמה אם לא ראיתיה שהיתה מלקטת שעורים מבין טלפי סוסים בעכו קראתי עליה מקרא זה (ש"ה א) אם לא תדעי לך היפה בנשים צאי לך בעקבי הצאן ורעי

בירושלים: מלח ממון חסר. כשלא למלוח ממונו כלוס לגרוס לו שיתקיים יחסרנו לצדקה תמיד והכרוזו זה קיומו: ואמרי לה חסד. יעשה ממנו חסד ושל בית א.א לא עשו צדקה כראוי וכלה ממונם: בא זה ואבד את זה. לפי שהערב בו: חוץ משל חמיה. תוספת שהוסיף לה החתן: ערביים. קרי אומה שפלה שפוכני אהלים הם במדבר: מציעין תחתיו. תחת רגליו להלוך עליהם: לפום גמלא שיחנא. לפי כח הגמל יטענוהו משא: אם לא תדעי. אם לא תתני לב כנסת ישראל לבטל את התורה: צאי לך גו'. סופך לצאת בעקבי

יוחנן רבי ניט אזוי זאגט מען אמשל אין ירושלים. דער וואס וויל איין זאלצען געלט. די געלט זאל ביי אים בלייבען. זאל ער די געלט ארע מאהל ווייניגער מאכען. ער זאל געבין פון זייא אויף צדקה. וועט זיין רייכקייט בלייבען ביי אים. אנדערע זאגען נישט חסר, נאר חסד. דער וואס וויל זיין רייכקייט זאל ביי אים בלייבען. זאל ער מאהן מיט זיין געלט חסד. אונ מיינע עלטערין האבען נישט גיגעבין צדקה ווייא עס דארף זיין. דריבער איז זייער געלט פארלענדט גיווארין. אונ וואו איז דאס געלט פון דיין שווער. האט זיא גזאגט צו רבי יוחנן די געלט פון מיין פאטער האט פארלארין די געלט פון מיין שווער. האט די אשה גזאגט צוא רבן יוחנן רבי דוא גידיינקסט ווען דוא האסט זיך גיחתמת אין מיין כתובה. האט רבן יוחנן גזאגט צוא זיינע תלמידים איך גידיינק ווען איך האב מיך גיחתמת אויף איר כתובה. האב איך גילייענט די כתובה איז אין איר גישטאנען אז זיא האט גבראכט פון איר פאטער טויזענד מאהל טויזענד גילדענע רענדלאך. אויסער די געלט פון איר שווער. האט רבן יוחנן בן זכאי גיוויינט אונ האט גזאגט וואוהל צו אייך יודין. ווען איהר טוהט דעם ווילען פון גאט קען קיין פאלק ניט גיוועלטיגען אויף אייך. אונ ווען איר טוהט ניט דעם ווילען פון גאט. גיט אייך גאט אין די האנט פון אנידעריגע פאלק; אונ ניט נאר אין די האנט פון אנידעריגע פאלק. נאר צוא די בהמות פון אנידעריגע פאלק: פרעגט די גמרא אונ נקדימון בן גוריון האט ניט גיגעבין קיין צדקה. מיר האבען דאך גילערונט מען האט גזאגט אויף נקדימון בן גוריון ווען ער פלעגט גיין פון זיין שטוב צום בית המדרש; פלעגט מען אוים שפרייטין אויף די ערד זיידענע קליידער. אונ ער פלעגט גיין אויף די קליידער. אונ דער נאך וויא ער איז אריבער גיגאנגען פלעגין די ארעמע לייט קומען אונ פלעגין צו זאמען וויקלען די זיידענס. אונ פלעגין דם נעמען פאר זיך. ענפערט די גמרא אז דוא ווילסט וועל איך דיר זאגין נקדימון האט דם ניט געמיינט וועגין צדקה; ער האט דאס נאר גיטאהן וועגין זיין כבוד. אונ אז דוא ווילסט וועל איך דיר זאגין אזוי וויא ער האט גידארפט געבין צדקה האט ער ניט גיגעבין. אזוי וויא מען טשין זאגין נאך די שטארקייט פון קעמל אזוי זאל מען אויף אים לייגין די משא. וואס רייכער מען איז מער צדקה דארף מען געבין. מיר האבען גילערונט רבי אלעזר בר צדוק האט גזאגט איך זאל אזוי זעהן ווי ירושלים וועט גיטרייסט ווערין. איך האב גיזעהן די אשה האט געקליבען גערשטין פון צווישען די קלאהען פון די פערד אין די שטאט עכו. האב איך אויף איר גיזאגט דעם פסוק אם לא תדעי לך היפה בנשים. דוא שענסטע פון אלע ווייבער די יודין

ורעי את גדיותיך וגו' אל תקרי גדיותיך אלא גויותיך :

הכאן ולרעות את גדיותיך : [גויותיך] (ר"ל גופך). להתפרנס. מזונות של צדקה : שבאו לינשא. מצל צדקה דאמרינן לקמן אשר יחסר לו זו אשה :

(ע"ב) ב ת"ר יתום ויתומה שבאו להתפרנס מפרנסים את היתומה ואחר כך את היתום מפני שהאיש דרכו לחזר על הפתחים ואין האשה דרכה לחזר. יתום ויתומה שבאו לינשא משיאין את היתומה ואח"כ משיאין את היתום מפני שבשתה של אשה מרובה משל איש. ת"ר יתום שבא לישא שוכרין לו בית ומציעין לו מטה וכל כלי תשמישו ואח"כ משיאין לו אשה שנא' (דברים טו) די מחסרו אשר יחסר לו די מחסורו זה הבית אשר יחסר זה מטה ושלחן לו זה אשה וכה"א (בראשית ב) אעשה לו עזר כנגדו :

ג ת"ר (דברים טו) די מחסורו אתה מצווה עליו לפרנסו ואי אתה מצווה עליו לעשרו. (שם) אשר יחסר לו אפי' סוס לרכוב עליו ועבד לרוץ לפניו. אמרו עליו על הלל הזקן שלקח לעני בן טובים אחד סוס לרכוב עליו ועבד לרוץ לפניו פעם אחת לא מצא עבד לרוץ לפניו ורץ לפניו שלשה מילין. ת"ר מעשה באנשי גליל העליון שלקח לעני

וואס זענען דיא שענסטע פון אלע פעלקר). אויב דוא ווייסט ניט צוא היטען דיא תורה. וועסטו מוזען גיין אין דיא טריט פון דיא שעפסין ורעי את גדיותיך. זאלסט ניט לייענען גדיותיך. נאר זאלסט לייענען גויותיך) אונ פיטערין דיין גוף : דוא וועסט מוזען צו זאמען קלויבען דיא קערנער וואס צווישען דיא טריט פון דיא שעפסין. אונ דאס וועסטו עסין :

ב תנו רבנן. דיא רבנן האבען גילערונט אז איתום אונ איתומה קומען צום גבאי פון צדקה ער זאל זייא שפייזין. זאל ער פריער שפייזין דיא יתומה דער נאך דעם יתום. וויל אזכר קען גיין אין דיא הייזער בעטין נדבות. אונ אאשה קען ניט גיין אין דיא הייזער בעטין נדבות. ווייל זיא שעמט זיך. אז איתום אונ איתומה קומען צום גבאי פון צדקה מען זאל זייא חתונה מאכען. מאכט מען פריער חתונה דיא יתומה. דער נאך מאכט מען חתונה דעם יתום : וייל פאר אמיידעל איז מער ניט שיין צוא זיצען אן אמאן וויא אבחור צו זיצען אן אווייב : דיא רבנן האבען גילערונט אז איתום קומט צום גבאי פון צדקה מען זאל אים חתונה מאכען. דינגט מען פון זיינעט וועגין אשטוב. אונ מען קויפט פון זיינעט וועגין אבעט מיט בעטגיוואנט : אונ אלע כלים וואס מען דארף צו ניצונג אין אשטוב. דער נאך מאכט מען אים חתונה. ווארום עס שטייט אין פסוק דו זאלסט געבין דעם ארעם מאן גענוג זיין פעלונג וואס אים וועט פעלין. גענוג זיין פעלונג. מיינט מען אשטוב צום וואהנען : וואס עס וועט פעלין. מיינט מען אבעט אונ אטיש : צוא אים : מיינט מען אווייב. אונ אזוי שטייט אין פסוק איך וועל מאכין צוא אים אהילף ענטקעגין. דאס מיינט דיא ווייב וואס זיא וועט זיין אלע מאהל ענטקעגין אים אונ וועט אים העלפין :

ג תנו רבנן : דיא רבנן האבין גילערונט דיא תורה האט גיזאגט מען זאל געבין דעם ארעם מאן גענוג זיין פעלונג. איז אמענטש פאר באטין ער זאל שפייזין דעם ארעם מאן. אבער ער איז ניט פאר באטין ער זאל רייך מאכין דעם ארעם מאן. דיא תורה זאגט מען זאל געבין דעם ארעם מאן וואס אים וועט פעלין. אפילו עס פעלט אים אפערד צו רייטין אויף איהם. אונ אקנעכט זאל לויפין פאר איהם. מוז מען איהם אויך געבין. מען האט גיזאגט אויף הלל הזקן אז ער האט אמאהל גיקויפט פאר אארעם מאן פון אגוטע פאמיליע אפערד ער זאל אויף איהם רייטין אונ אקנעכט ער זאל לויפין פאר איהם. אמאהל האט הלל ניט בעקומען צו דינגען אקנעכט וואס זאל לויפין פאר דעם ארעם מאן. איז הלל אליין גילאפין פאר דעם ארעם מאן דרייא תחום שבת ודאס הייסט אליינג פון זעקס טוזענד איילין). תנו רבנן. דיא רבנן האבין גילערונט עס האט אמאהל גיטראפין דיא מענטשין פון אויבערשטין גליל

מעג עופות. שדמיהן יקרים והוא היה מעונג: בשר בליטרא. שהיה בשר ביוקר והיה צריך בשר בדמי ליטרא מעות: כפר קטן היה. ואין במותר נמכר: אמטולתיה. בשבילו והיינו רבותא ולעולם במשקל ליטרא בשר קאמר: ההוא דאתא. עני המבקש פרנסה: במה אתה סועד. מה אתה רגיל לאכול בסעודתך: בעתו הכל לפי מה שהוא צריך

לעני בן טובים אחד מצפורי ליטרא בשר בכל יום ליטרא. בשר מאי רבותיה אמר רב הונא ליטרא בשר משל עופות ואי בעית אימא בשר בליטרא ממש רב אשי אמר התם כפר קטן היה ובכל יומא הוו מפסדי חיותא אמטולתיה. ההוא דאתא לקמיה דר' נחמיה א"ל במה אתה סועד א"ל בבשר שמן ויין ישן רצונך שתגלגל עמי בעדשים גלגל עמו בעדשים ומת אמר אוי לו לזה שהרגו נחמיה אדרבה אוי לו לנחמיה שהרגו לזה מבעי' ליה אלא איהו הוא דלא איבעי' ליה לפנוקי נפשיה כולי האי. ההוא דאתא לקמיה דרבא א"ל במה אתה סועד אמר ליה בתרנגולת פטומה ויין ישן א"ל ולא חיישת לדוחקא דצבורא א"ל אטו מדידהו קאכילנא מדרחמנא קאכילנא דתניא (תהלים קמה) עיני כל אליך ישברו ואתה נותן להם את אכלם בעתו בעתם לא נאמר אלא בעתו מלמד שלכל אחד ואחד נותן הקב"ה פרנסתו בעתו אדהכי אתאי אחתיה דרבא דלא חזיא ליה תליסר שני ואתיא ליה תרנגולת פטומה ויין ישן

האבין גיקויפט אלע טאג אפונט פלייש פאר אארעם מאן פון אגוטע פאטיליע פון דיא שטאט צפורי. פרעגט דיא גמרא אזוי אגרויסע זאך איז דאס אלע טאג אפונט פלייש. האט רב הונא גיזאגט אפונט פלייש פון עופות: דאס קאסט טייער. אונ אז דו ווילסט וועל איך דיר זאגין אין דער צייט איז גיוועזן פלייש אזוי טייער אז פאר אפונט פלייש האט מען גיגעבין אפונט געלט: רב אשי זאגט דארט איז גיוועזן אקליינער דארף אונ אלע טאג האט מען שאדין גימאכט אבהמה פון זיינעטוועגין. ווארום מען האט אים גיגעבין אלע טאג פרישע פלייש. האט מען גימוזט שעכטין אלע טאג אבהמה פון זיינעט וועגין. אונ דיא דארפס מענטשין האבין ניט גיקענט אויף עסין אלע טאג דיא פלייש פון די גאנצע בהמה פלעגט דיא פלייש בלייבין פון איין טאג אויף דעם אנדערין פלעגט פאר שטונקען ווערין אונ מען פלעגט ארויס ווארפין. אמאהל איז גיקומען אארעם מאן פאר רבי נחמיה: האט רבי נחמיה צו אים גיזאגט וואס ביסטו גיוואהנט צו עסין. האט דער ארעם מאן גיזאגט איך בין גיוואהנט צו עסין פעטע פלייש אונ טרינקען אלטען וויין: האט רבי נחמיה צו אים גיזאגט דאס האב איך דיר ניט צוא געבין. נאר אויב דו ווילסט עס מיט מיר ארבעס. האט דער ארעם מאן גיגעסין מיט אים ארבעס אונ איז גישטארבין: האט רבי נחמיה גיזאגט וויא צו דעם מענטש וואס נחמיה האט אים גיהרגת. פרעגט דיא גמרא פאר קערט האט ער גידארפט זאגין וויא צו נחמיה וואס ער האט גיהרגת דעם מענטש. נאר אזוי האט רבי נחמיה גיזאגט דער מענטש איז אליין שולדיג אין זיין טויט ער האט ניט גידארפט זיך אזוי איידיל גיוואהנען: אמאהל איז גיקומען אארעם מאן פאר רבא. האט רבא צו אים גיזאגט וואס ביסטו גיוואהנט צו עסין. האט דער ארעם מאן גיזאגט איך בין גיוואהנט צוא עסין אפעטע הון אונ טרינקען אלטען וויין: האט רבא גיזאגט צום ארעם מאן דו זארגסט גאר ניט וואו וועלין דיא שטאט מענטשין דאס נעמען פון דיינעטוועגין: האט דער ארעם מאן גיזאגט איך עס דען פון זייערע. איך עס פון גאט: ווארום מיר האבין גילערונט עס שטייט אין פסוק דיא אויגין פון אלע בשעפעניש האפין צוא דיר. אונ דוא גיבסט צו זייא זייער עסין אין זיין צייט. עס שטייט ניט אין זייער צייט. נאר אין זיין צייט. דער פסוק לערונט אונז אז גאט גיט צו יעדער בשעפעניש זיין פרנסה אין זיין צייט ומיט וואס דער מענטש איז גיוואהנט גישפייזט צו ווערין. גיט אים גאט. דער ווייל איז גיקומען דיא שוועסטער פון רבא. זיא האט אים ניט גיזעהן דרייצעהן יאהר. אונ זיא האט אים גיבראכט אפעטע הון אונ אלטען וויין: האט רבא גיזאגט וואס פאר אנייס איז דא גיווארין. אזוי לאנג איז מיין שוועסטער ניט גיוועזן: אונ

ישן אמר מאי דקמאי אמר ליה נעניתי לך קום אכול:

ד ת"ר אין לו ואין רוצה להתפרנס נותנים לו לשום הלואה וחוזרים ונותנים לו לשום מתנה דברי ר' מאיר וחכמים אומרים נותנים לו לשום מתנה וחוזרים ונותנים לו לשום הלואה לשום מתנה הא לא שקיל אמר רבא לפתוח לו לשום מתנה. יש לו ואינו רוצה להתפרנס נותנין לו לשום מתנה וחוזרים ונפרעים ממנו חוזרים ונפרעים ממנו׳ תו לא שקיל אמר רב פפא לאחר מיתה ר' שמעון אומר יש לו ואינו רוצה להתפרנס אין נזקקין לו אין לו ואינו רוצה להתפרנס אומרים לו הבא משכון וטול כדי שתזוח דעתו עליו:

[מ"ק] כל יחיד ויחיד לפי למודו: אמר רבא מאי דקמאי. מאי דבר זה שאירע לפני עתה שלא הייתי רגיל בכך שבאת א לכאן ותרנגולת ויין ישן בידה: נעניתי לך. דברתי יותר מדאי: אין לו. משלו: ואינו רוצה להתפרנס. משל צדקה: יש לו ואינו רוצה להתפרנס. משלו אלא משל צדקה ומסגף עצמו ברעב: שתזוח דעתו עליו. יגבה לבו לומר דעתם להזור ולגבות ממני ואפילו ותבעוני משכון אין זו אלא הלואה ויטול בלא בושת שיאמר אין לי משכון והם יאמרו טול בלא משכון: ציגורא דדשא. חור שבמפתן וציר הדלת סובב בו: ההוא יומא. אותו היום שנתן העני לבו לדעת

ה מר עוקבא הוה עניא בשבבותיה דהוה רגיל כל יומא דשדי ליה ארבע זוזי בצינורא דדשא יומא חד אמר איזיל אחזי מאן קא עביד בי ההוא טיבותא ההוא יומא נגהא ליה למר עוקבא בבי מדרשא אתיא דביתהו בהדיה כיון

הַיינְט אִיז זִיא גִיקוּמֶען אוּנ הָאט גִיבְּרַאכְט אַפֶּעטֶע הוּן מִיט אַלְטֶען וַויין: אַזוֹי וִויא דֶער אָרֶעם מַאן הָאט פַארלַאנְגְט: הָאט רָבָא גִיזָאגְט צוּם אָרֶעם מַאן אִיךְ בִּין דִיר אוּנְטֶער טֶענִיג.
אִיךְ הָאבּ גֶעגֶין דִיר שְׁלֶעכְט גִירֶעט. נַא דִיר דִיא הוּן מִיט דִיא וַויין קוּם אוּנ עֶס:

ד תָּנוּ רַבָּנָן. דִיא רַבָּנָן הָאבִּין גִילֶערוּנְט אַז אַמֶענְטְשׁ הָאט נִיט קֵיין גֶעלְט אוּנ עֶר ווִיל נִיט נֶעמֶען פוּן צְדָקָה. זָאל מֶען אִים גֶעבִּין פוּן צְדָקָה גֶעלְט אוּנ מֶען זָאל אִים זָאגִין מֶען בָּארְגְט אִים. נָאךְ אַמָאהל אַז עֶר וֶועט דַארפִין נֶעמֶען פוּן צְדָקָה גֶעלְט. זָאל מֶען זָאגִין מֶען שֵׁיינְקְט אִים אַמַתָּנָה נִיט קֵיין צְדָקָה. אַזוֹי זָאגְט רַבִּי מֵאִיר: אוּנ דִיא חֲכָמִים זָאגִין דֶעם עֶרְשְׁטִין מָאהל זָאל מֶען זָאגִין מֶען שֵׁיינְקְט אִיהם. דֶעם אַנְדֶערִין מָאהל זָאל מֶען זָאגִין מֶען בָּארְגְט אִים. פְרֶעגְט דִיא גְמָרָא עֶר נֶעמְט דָאךְ נִיט קֵיין מַתָּנָה: הָאט רָבָא גִיזָאגְט מֶען הֵייבְּט אָן מִיט אִים צוּ רֵיידִין עֶר זָאל נֶעמֶען אַמַתָּנָה. נִיט צְדָקָה: אוּנ אוֹיבּ עֶר ווִיל נִיט זָאל מֶען זָאגִין מֶען בָּארְגְט אִים. אַז אֵיינֶער הָאט גֶעלְט אוּנ עֶר ווִיל נִיט לֶעבִּין פַאר זַיין גֶעלְט אוּנ עֶר פַּיינִיגְט זִיךְ מִיט הוּנְגֶער: אוּנ פוּן צְדָקָה ווִיל עֶר נֶעמֶען. זָאל מֶען אִים גֶעבִּין גֶעלְט פוּן צְדָקָה אוּנ מֶען זָאל זָאגִין מֶען שֵׁיינְקְט אִים: דֶער נָאךְ וֶועט מֶען אָפּ נֶעמֶען פוּן אִים דָאס גֶעלְט. פְרֶעגְט דִיא גְמָרָא אַז מֶען וֶועט אָפּ נֶעמֶען פוּן אִים דָאס גֶעלְט. וֶועט עֶר דָאךְ שׁוֹין מֶער נִיט וֶועלִין נֶעמֶען. הָאט רַב פָּפָּא גִיזָאגְט מֶען מֵיינְט אַז עֶר וֶועט שְׁטַארְבִּין וֶועט מֶען אָפּ נֶעמֶען דִיא צְדָקָה גֶעלְט פוּן זַיין פַארמֶעגִין. רַבִּי שִׁמְעוֹן זָאגְט דֶער וָואס הָאט גֶעלְט אוּנ עֶר ווִיל נִיט לֶעבִּין פוּן זַיין גֶעלְט. דַארְף מֶען אִיהם נִיט גֶעבִּין פוּן צְדָקָה. אַז עֶר הָאט נִיט אוּנ עֶר ווִיל נִיט נֶעמֶען פוּן צְדָקָה: זָאל מֶען זָאגִין צוּ אִים בְּרֵיינְג אַמַשְׁכּוֹן וֶועט מֶען דִיר בָּארְגִין: אוּנ אַז עֶר זָאגְט עֶר הָאט נִיט קֵיין מַשְׁכּוֹן. זָאגְט מֶען צוּ אִים בָּארְג אָן אַמַשְׁכּוֹן. אוּנ ווַייל מֶען הָאט פְרִיעֶר גִיזָאגְט צוּ אִים עֶר זָאל בְּרֵיינְגֶען אַמַשְׁכּוֹן: רֶעכוּנְט עֶר אַז מֶען מֵיינְט אִין אֶמֶת נָאר צוּ בָּארְגִין: אִיז עֶר גְרוֹיס בַּייא זִיךְ אוּנ שֶׁעמְט זִיךְ נִיט צוּ נֶעמֶען דָאס גֶעלְט:

ה מַר. נָאנְט פוּן מַר עוּקְבָא הָאט גִיוואוֹינְט אַאָרֶעם מַאן. אַלֶע טָאג פְּלֶעגְט מַר עוּקְבָא אַרַיין לֵייגִין פִיר גִילְדִין אִין דִיא לָאךְ פוּן דִיא שְׁוֶועל אוּנְטֶער דִיא טִיר פוּן דִיא שְׁטוּבּ וָוא דֶער אָרֶעם מַאן הָאט גִיוואוֹינְט: אוּנ דֶער אָרֶעם מַאן פְלֶעגְט אַלֶע טָאג גֶעפִינֶען דִיא פִיר גִילְדֶען. אַמָאהל הָאט דֶער אָרֶעם מַאן גִיזָאגְט אִיךְ וֶועל גֵיין זֶעהן וֶוער מִיר טוּהט דִיא טוֹבָה אוּנ גִיט מִיר אַלֶע טָאג דִיא פִיר גִילְדִין. דֶעם טָאג וֶוען דֶער אָרֶעם מַאן אִיז גִיגַאנְגֶען זֶעהן. הָאט זִיךְ מַר עוּקְבָא פַארשְׁפֶּעטִיגְט אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ. אִיז דָאס ווַייבּ מִיט גִיגַאנְגֶען מִיט מַר עוּקְבָא

פי׳ נימא לו: כיון דחזא. סטני: מגלי: סטו עלמס להשליך לתוך גמורא דדשא: אגא שכיחנא בגו ביתא. ועניים מוצאים אותי לפיכך זכותי גדול: ומקרבא הנייתי. שבאתי מזומנת שאני מחלקת להם ובשר ומלח אבל אתה נותן מעות לעניים והם סורחים וקונים סעודה: ומאי כולי האי. למה להם לברוח ולכנוס לתנור: היא מוצאת והיא שלחה וגו׳. אע״פ שבאת לישרף לא גלתה הדבר אלא אם כן יגלה הוא ואם לא יגלה נשרפת:

עייפינהו. (כפלים) [כפל׳נהו]: סיאנקי. שם מקום: זוודאי קלילא. צדה קלה

כיון דחזא דקא מצלי ליה לדשא נפק בתרייהו רהוט מקמיה עיילי להוא אתונא דהוה גרופא נורא הוה קא מיקליין כרעיה דמר עוקבא אמרה ליה דביתהו שקיל כרעיך אותיב אכרעאי חלש דעתיה אמרה ליה אנא שכיחנא בגויה דביתא ומקרבא הנייתי. ומאי כולי האי דאמר מר זוטרא בר טוביה אמר רב ואמרי לה אמר רב הונא בר ביזנא א״ר שמעון חסידא ואמרי לה אמר ר׳ יוחנן משום רשב״י נוח לו לאדם שימסור עצמו לתוך כבשן האש ואל ילבין פני חבירו ברבים מנא לן מתמר דכתיב (בראשית לח) היא מוצאת:

ז מר עוקבא הוה עניא בשבבותיה דהוה רגיל לשדורי ליה ארבע מאות זוזי כל מעלי יומא דכפורי יומא חד שדרינהו ניהליה ביד בריה אתא א״ל לא צריך א״ל מאי חזית חזאי דקא מזלפי ליה יין ישן אמר מפנק כולי האי עייפינהו ושדרינהו ניהליה כי קא ניחא נפשיה אמר אייתין לי חושבנאי דצדקה אשכח דהוה כתוב ביה שבעת אלפי דינרי סיאנקי אמר זוודאי קלילא ואורחא רחיקתא קם בזבזיה לפלגיה ממוניה.

היכי

אריין ווארפין דיא פיר גילדין: ווייא דער ארעם מאן האט געזעהן מר עוקבא בייגט זיך איין צו דיא טיר איז ער ארויס גיגאנגען פון שטוב. זענען זייא אנטלאפין פון איהם. אונ זייא זענען אריין גיגאנגען אין אהויבין וואס עס איז געוועזען ארויס געשארט פון איהם דיא פייער. האט געבריט דיא פיס פון מר עוקבא. האט דאס ווייב געזאגט צו מר עוקבא. נעם דיינע פיס אונ לייג זייא אויף מיינע פיס. האט מר עוקבא צער גיהאט פאר וואס זיינע פיס האט געבריט: אונ זיין ווייבס פיס האט ניט געבריט. האט דאס ווייב צוא איהם געזאגט דאס איז ווייל איך בין אגאנצין טאג אין שטוב: ווען דער ארעם מאן קומט טרעפט ער מיך: אונ פון מיין צדקה האט דער ארעם מאן שוין הנאה: ווארום איך גיב איהם ברויט אדער גיקאכטע עסין. אונ דוא ביסט ניטא אגאנצין טאג אין שטוב. אונ פון דיין צדקה האט ניט דער ארעם מאן שוין הנאה. ווארום דוא גיסט איהם געלט דארף ער גיין קויפען עסין. דריבער איז מיין זכות גרעסער. פרעגט דיא גמרא פאר וואס זענען זייא אנטלאפין אונ אריין גיגאנגען אין אהויבין: ענטפערט דיא גמרא ווארום מר זוטרא בר טוביה האט געזאגט פון רבם וועגין אנדערע זאגין רב הונא בר ביזנא הט געזאגט פון רבי שמעון חסידאס וועגין. אנדערע זאגין רבי יוחנן האט געזאגט פון רבי שמעון בן יוחאים וועגין. עס איז בעסער פאר אמענטשין ער זאל זיך אריין ווארפען אין אקאלך הויבין פייער. נאר ער זאל ניט פאר שעמען דעם חבר פאר פיל מענטשין. דאס ווייסען מיר פון תמר. עס שטייט אין פסוק מען האט איר געפירט צום פאר ברענען אונ זיא הט ניט געזאגט אז זי איז מעוברת פון יהודה. נאר אז יהודה אליין וועט מודה זיין אז זיא איז מעוברת פון איהם איז גוט: אונ אז ניט וועט זי פאר ברענט ווערין אונ וועט איהם ניט פאר שעמען:

ז מר: נאנט פון מר עוקבא האט גיוואוהנט אארעם מאן. אלע ערב יום כפור פלעגט מר עוקבא שיקען פיר הונדערט גילדין צוא דעם ארעם מאן. אמאהל האט מר עוקבא געשיקט די פיר הונדערט גילדין דורך זיין זוהן: איז דער זוהן גיקומען אונ האט גזאגט צום פאטער דער מענטש איז ניט קיין ארעם מאן ער דארף ניט דיינע געלט. האט מר עוקבא גזאגט צום זוהן וואס האסטו גיזעהן ביי איהם. האט דער זוהן גזאגט איך האב גיזעהן מען האט געשפריצט דיא שטוב מיט אלטען ויין. האט מר עוקבא גזאגט אז דער מענטש איז יא אזוי עדעל: הט ער איהם געשיקט אכט הונדערט גילדין אזאהר: איידער מר עוקבא איז געשטארבין האט ער גזאגט מען זאל איהם ברייננען דעם בוך וואס דארט איז פאר שריבען דיא צדקה וואס ער האט גיגעבין.

האט

היכי עביד הכי והא"ר אלעאי באושא התקינו המבזבז אל יבזבז יותר מחומש ה"מ מחיים שמא ירד מנכסיו אבל לאחר מיתה לית לן בה :

ז רבי אבא הוה צייר זוזי בסודריה ושדי ליה לאחוריה ומכצי נפשיה לבי עניי ומצלי עיניה מרמאי . ר' חנינא הוה ההוא עניא דהוה רגיל לשדורי ליה ארבע זוזי כל מעלי שבתא יומא חד שדרינהו ניהליה בידא דדביתהו אתאי אמרה ליה לא צריך מאי חזית שמעית דהוה קאמרי ליה במה אתה סועד (דף סח) בטלי כסף או בטלי זהב אמר היינו דא"ר אלעזר בואו ונחזיק טובה לרמאים שאלמלא הם היינו חוטאים בכל יום שנאמר (דברים טו) וקרא עליך אל ה' והיה בך חטא . ותני ר' חייא בר רב מדפתי ר' יהושע בן קרחה אומר כל המעלים עיניו מן הצדקה כאלו עובד ע"ז כתיב הכא (שם) השמר לך פן יהיה דבר עם לבבך בליעל וגו'. וכתיב התם (שם יג) יצאו אנשים בני בליעל מה להלן ע"ז אף כאן ע"ז :

הכינוהו לדרך רחוקה שאינו יוצא גם : ומגלי עיניה. ומטה עיניו כלפי אחוריו כדאית שאגא יבא כמאי ויחזירם בעושה עצמו סמי והעניים באים ומחזירים אותם : בטלי כסף או בטלי זהב. במפות של פשתן לנכות או בשל מיני צבעונות : חוטאים. שאנו מעלימים עין מן העניים אשר בכתיו הרמאים גורמים לנו :

ת"ד

הָאט עֶר גִיזֶעהֶן עֶס בַּטְרֶעפְט זִיבֶּען טוֹזֶענְד גִילְדִין פוּן דֶעם אָרְט סִיאַנְקִי : הָאט עֶר גִזָאגְט מַיין שְׁפַּייז אִיז וֶוייְנִיג אוּנ דִיא וֶועג אִיז וַוייט . הָאט עֶר גִיגֶעבִּין הֶעלְפְט פַאר מֶעגִין אוֹיף צְדָקָה . פְרֶעגְט דִיא גְמָרָא וִויא אַזוֹי הָאט מַר עוּקְבָא אַזוֹי גִיטָאהן . רַבִּי אֶלְעָאִי הָאט דָאךְ גִזָאגְט אִין אוּשָׁא הָאט מֶען גִימַאכְט אַתְקָנָה דֶער וָואס וִויל גֶעבִּין פִיל צְדָקָה . זָאל עֶר נִישְׁט גֶעבִּין מֶעהר וִוי אַפִינְפְטֵל פַאר מֶעגִין . זָאגְט דִיא גְמָרָא דָאס אִיז נָאר אַז דֶער מֶענְטְשׁ לֶעבְּט . זָאל עֶר נִישְׁט גֶעבִּין מֶער וִויא אַפִינְפְטֵל . טָאמֶער וֶועט עֶר אָרֶעם וֶוערִין . אָבֶּער נָאךְ זַיין טוֹיט מֶעג עֶר גֶעבִּין וִויא פִיל עֶר וִויל . אוּנ מַר עוּקְבָא הָאט אוֹיךְ גִיהַייסֶען נָאךְ זַיין טוֹיט זָאל מֶען גֶעבִּין הֶעלְפְט פַאר מֶעגִין אוֹיף צְדָקָה :

ז רַבִּי אַבָּא פְלֶעגְט אַיין בִּינְדִין גֶעלְט אִין אַפַאטְשֵׁיילֶע אוּנ הָאט אוֹיף גִיהָאנְגֶען דִיא פַאטְשֵׁיילֶע אוֹיף דִיא פְּלֵייצֶעס . אוּנ עֶר פְלֶעגְט גֵיין צְווִישֶׁען אָרֶעמֶע לַייט . אוּנ דִי אָרֶעמֶע לַייט פְלֶעגִין אוֹיף בִּינְדֶען דִיא פַאטְשֵׁיילֶע אוּנ אַרוֹיס נֶעמֶען דָאס גֶעלְט . אוּנ רַבִּי אַבָּא פְלֶעגְט אוּיס בֵּייגִין דִיא אוֹיגִין אוֹיף אִינְטֶען אַכְטוּנְג צוּא גֶעבִּין אַפַאלְשֶׁער מֶענְטְשׁ זָאל נִיט אַרוֹיס נֶעמֶען דִיא גֶעלְט פוּן דִיא פַאטְשֵׁיילֶע . רַבִּי חֲנִינָא הָאט גִיהַאט אַאָרֶעם מַאן וָואס עֶר פְלֶעגְט אִים שִׁיקֶען פִיר גִילְדִין אַלֶע עֶרֶב שַׁבָּת . אַמָאהל הָט רַבִּי חֲנִינָא גֶעשִׁיקְט דִיא פִיר גִילְדִין דוּרְךְ זַיין וַוייבּ . אִיז זִיא גִיקוּמֶען אוּנ הָאט גִזָאגְט צוּ רַבִּי חֲנִינָא : דֶער מֶענְטְשׁ בַּארְף נִיט קֵיינֶע פִיר גִילְדִין . הָאט רַבִּי חֲנִינָא גִזָאגְט צוּא זַיין וַוייבּ וָואס הָאסְטוּ גִיזֶעהֶן בַּיי אִים : הָט זִיא גִזָאגְט אִיךְ הָאבּ גִיהֶערְט מֶיגְן הָאט גִיפְרֶעגְט בַּיי אִים אוֹיף וָואס פַאר אַטִישְׁטוּךְ ווִילְסְטוּ עֶסִין . אוֹיף אוּוֶעבֶּעגֶעם טִישְׁטוּךְ וָואס עֶר אִיז וַוייס וִויא זִילְבֶּער : אָדֶער אוֹיף אַגֵייךֶענֶעם טִישְׁטוּךְ וָואס עֶר אִיז גִיפַארְבְּט וִויא גָאלְד . הָאט רַבִּי חֲנִינָא גִזָאגְט אִיצְט אִיז רֶעכְט וָואס רַבִּי אֶלְעָזָר הָט גִזָאגְט מִיר דַארְפִין דַאנְקִין דִיא פַאלְשֶׁע מֶענְטְשִׁין . וָואס זֵייא דַארְפִין נִיט נֶעמֶען צְדָקָה אוּנ נֶעמֶען יָא . וֶוען נִיט זֵייא וָואלְטִין מִיר אַלֶע טָאג גֶעזִינְדִיגְט פַאר וָואס מִיר גֶעבִּין נִיט קֵיין צְדָקָה . אַזוֹי וִויא עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק דֶער אָרֶעם מַאן וֶועט רוּפֶען אוֹיף דִיר צוּא גָאט פַאר וָואס דוּא גִיבְּסְט אִים נִיט קֵיין צְדָקָה . וֶועסְטוּ הָאבֶּען אַזִינְד . אָבֶּער הַיינְט הָאבֶּען מִיר אַתִירוּץ . וֶוער וֵייס טָאמֶער אִיז עֶר אַפַאלְשֶׁער מֶענְטְשׁ . עֶר בַּארְף נִיט נֶעמֶען קֵיין צְדָקָה אוּנ וִויל יָא נֶעמֶען . רַבִּי חִיָּיא בַּר רַב פוּן דִפְתִּי הָאט גִילֶערְנְט רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ בֶּן קָרְחָה הָאט גִזָאגְט דֶער מֶענְטְשׁ וָואס קוּקְט אַוֶועק פוּן אַאָרֶעם מַאן אוּנ עֶר גִיט אִים נִיט קֵיין צְדָקָה . אִיז גְלַייךְ וִויא עֶר וָואלְט גֶעדִינְט עֲבוֹדָה זָרָה . בַּיי צְדָקָה שְׁטֵייט דוּא זָאלְסְט דִיךְ הִיטֶען טָאמֶער וֶועט זַיין מִיט דַיין הַארְץ בְּלִיַעַל : אַשְׁלֶעכְטֶע זַאךְ . אוּנ בַּייא עֲבוֹדָה זָרָה שְׁטֵייט עֶס זֶענֶען אַרוֹיס גִיגַאנְגֶען מֶענְטְשִׁין בְּנֵי

המכסה את עיניו. מראה עצמו כאלו עינו כהה: מקפח שוקו. כאלו שוקו נכווה כדי ליטול צדקה:

הוה יתיב רב ששת קמיה. כשבא השליח לפניו והקפיד רב הונא על דקריה הונא חברין: א"ל. רב הונא לרב ששת: זיל אימא ליה. בלשון גנאי כאשר אומר לך: ובשמתא תהיה. אם לא תאמר בלשון זה: ענן ענן. מהיכן אתה אומר לגבותה ממקרקעי או אפי' ממטלטלין ועוד שאלה אחרת השיבני: מאן יתיב בי מרזחא ברישא. מי יושב בבית האבל בראש הקרואים כשהיו מסובין בסעודה היה יושב במסיבתם מי הוא בראש שהגדול יושב בראש אחת בראש שבלהן ישני לי בראש אחרם למטה כימינו: א"ל מר רבה. אתה ורב הונא רבך ולפייסו אמר לו כן שלא יכעוס עליו על ששלח שלית בדבו ומראהו פנים שעל כרחו ששם אליה לבך: גופא דעובדא. תחלת הדברים מה היה

ח ת"ר המכסה את עיניו והמצבה את בטנו והמקפח את שוקו אינו נפטר מן העולם עד שיבא לידי כך:

(דף סט) ט שלח ליה רב ענן לרב הונא הונא חברין שלם כי אתיא הא אתתא לקמך אגבייה עישור נכסי הוה יתיב רב ששת קמיה א"ל זיל אימא ליה ובשמתא יהא מאן דלא א"ל ענן ענן ממקרקעי או ממטלטלי ומאן יתיב בי מרזחא ברישא אזל רב ששת לקמיה דרב ענן א"ל מר רבה ורב הונא רביה דרבה ושמותי שמית מאן דלא א"ל ואי לאו דשמית לא הוה קא אמינא ליה למר ענן ענן ממקרקעי או ממטלטלי ומאן יתיב בי מרזחא בראש אזל רב ענן לקמיה דמר עוקבא א"ל חזי מר היכי שלח לי רב הונא ענן ענן ועוד מרזחא דשלח לי [ולא ידענא] כאי ניהו א"ל אימא לי איזו (ע"ב) גופא דעובדא היכי הוה א"ל הכי והכי הוה מעשה א"ל וגברא דלא ידע מאי ניהו מרזחא

בליעל: לערנען מיר אגזרה שוה בליעל בליעל. אז דער וואס גיט ניט קיין צדקה איז גלייך ווי ער וואלט געדינט עבודה זרה:

ח תנו רבנן. דיא רבנן האבען גילערנט דער וואס מאכט זיך ער זאל אויס זעהן וויא בלינד, אדער זיין בויך זאל אויס זעהן וויא געשוואלין. אונ דער וואס ציהט איין דיא פיס, ער זאל אויס זעהן וויא לאהם והינקעדיג. מען זאל אים געבין צדקה. וועט ער ניט אוועק גיין פון דער וועלט ביז ער וועט אזוי ווערין:

ט שלח. רב ענן האט געשיקט צוא רב הונא. הונא אונזער חבר שלום זאל זיין צו דיר. אז דיא אשה וועט קומען פאר דיר זאלסטו זעהן זיא זאל נעמען אצעהנטיל פאר מעגין פון דיא ירושה. איז רב הונא אין כעס געווארין פאר וואס רב ענן האט אים גירופען חבר. אונ רב ששת איז גיזעסען פאר רב הונא ווען דער שליח איז צוא אים גיקומען. האט רב הונא גזאגט צוא רב ששת גיי צוא רב ענן אונ זאג אים. אונ אין חרם זאל זיין דער וואס וועט ניט זאגין. אונ אזו זאלסטו זאגין: ענן ענן פון וואס הילסטו זאל דיא אשה נעמען אצעהנטיל. פון פעלדער אדער פון מטלטלין. אונ נאך זאלסטו אים פרעגין ווען מען עסט דיא ערשטע סעודה ביי אבל. ווער זיצט ביא דיא סעודה הויבין אן. איז רב ששת גיגאנגען אונ איז גיקומען פר רב ענן. האט רב ששת גזאגט צו רב ענן. דוא ביסט ארבי אונ רב הונא איז דיין רבי; אונ רב הונא האט גזאגט דער וואס וועט ניט זאגין צוא דיר וויא ער האט גיהייסען זאל ער זיין אין חרם. אונ ווען רב הונא וואלט ניט גזאגט אחרם. וואלט איך דיר אזוי ניט זאגין; אונ אזוי האט רב הונא גיהייסען זאגין צוא דיר: ענן ענן פון וואס ווילסטו זאל דיא אשה נעמען אצענטיל: פון פעלדער אדער פון מטלטלין. אונ נאך האט רב הונא גיהייסען ביי דיר פרעגין ווען מען עסט דיא ערשטע סעודה ביי אבל. ווער זיצט. הויבין אן ביא דיא סעודה. איז רב ענן גיגאנגען צו מר עוקבא. אונ האט גזאגט צו אים. זעה וויא רב הונא האט צוא מיר געשיקט; ענן ענן. גיט רב ענן. אונ נאך האט ער צוא מיר געשיקט פרעגין מאן יתיב בי מרזחא ברישא, איך ווייס גאר ניט וואס מרזחא איז. האט מר עוקבא גזאגט צוא רב ענן זאג מיר גאר פון אנהייב וויא אזוי איז דיא זאך גיוועהן. וויא אזוי האסטו צוא אים געשיקט. האט רב ענן גזאגט אזו אונ אזוי איז דיא זאך גיוועהן. איך האב געשיקט צוא אים הונא חברין. אונזער חבר הונא. האט מר עוקבא גזאגט צוא רב ענן אמענטש וואס ווייס ניט וואס מרזחא איז שיקט ער צוא רב הונא

מרזחא שלח ליה לרב הונא הונא חברין מאי מרזחא אבל דכתיב (ירמיה טז) כה אמר ה' אל תבא בית מרזח וגו' אמר רבי אבהו מנין לאבל שמסב בראש שנאמר (איוב כט) אבחר דרכם ואשב ראש ואשכון כמלך בגדוד כאשר אבלים ינחם. ינחם אחרים משמע. אמר רב נחמן בר רב יצחק ינחם כתיב מר זוטרא אמר מהכא (עמוס ו) וסר מרזח סרוחים. מר וזח נעשה שר לסרוחים:

לשון כנוהג לו. ינחם כתיב. אין לך לומר פת"ח בסוס אות אלא אם כן ה' או כ' סמוכים לו או על פי הנקודה שהתחתיו וה"א כאה במקום אות כאלו אמר ינחמם וכיון שלא כתב כאן אל"ף גל נרתק ע"פ מסורת הכתב אתה קורא ינחם וזהו שמנוחם עצמו כלומר כאבל שמתנחם: מר וזח. מי שנפשו נגרה ודעתו זחה ונעתקת מעליו · נעשה שר לסרוחים. לגדולים (לשון וסרח העודף) שבאים לנחמו:

אישי לשון אישות ונשואין: ככלה בבית חמיה. שבכבר נשאת וגם לבה בבעלה ואינה בושה כימים:

המדיר פרק שביעי

(דף ע"א ע"ב) **א** **אז** הייתי בעיניו כמוצאת שלום (ש"ה ח) א"ר (יונתן) [יוחנן] ככלה שנמצאת שלמה בבית חמיה ורודפה לילך ולהגיד שבחה בבית אביה (הושע ב) והיה ביום ההוא נאם ה' תקראי אישי ולא תקראי לי עוד בעלי א"ר יוחנן ככלה בבית חמיה ולא ככלה בבית אביה:

(דף עב) **ב** **תניא** היה רבי מאיר אומר מאי דכתיב (קהלת ז) טוב ללכת אל בית אבל מלכת אל בית משתה באשר הוא סוף כל האדם והחי יתן אל לבו מאי והחי יתן אל לבו

און רופט אים אונזער חבר הונא. וואס איז מרזחא: אאבל. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אזוי האט גאט געזאגט דוא זאלסט ניט קומען בית מרזח אין דיא שטוב פון אאבל. רבי אבהו האט געזאגט פון וואנען ווייסען מיר אז דער אבל זיצט הויבען אן. ווארום עס שטייט אין פסוק איך וועל אויס דער וויילען זייער וועג און וועל זיצען הויבען אן און וועל רוהען אזוי וויא א מלך צווישען זיינע סאלדאטען כאשר אבלים ינחם. אזוי וויא דער וואס טרייסט דיא אבלים. פרעגט דיא גמרא ינחם איז דאך דער טייטש ער טרייסט אנדערע. זיצט דאך ניט דער אבל הויבען אן. נאר דער וואס טרייסט דעם אבל זיצט הויבען אן. האט רב נחמן בר רב יצחק געזאגט עס שטייט ינחם: דער וואס ווערט גיטרייסט דאס איז דער אבל. ער זאל זיצען הויבען אן. מר זוטרא האט געזאגט פון דאנען ווייסען מיר אז דער אבל זיצט הויבען אן. עס שטייט אין פסוק וסר מרזח סרוחים. מרזח איז צוויא ווערטער. מר זח. דער מענטש וואס איז פאר ביטערט. און זיינע גידאנקען זענען פון אים אוועק גיגאנגען. דאס איז דער אבל. וסר סרוחים. זאל ער זיין א שר ביי די גרויסע לייט וואס זענען גיקומען אים טרייסטען. דער אבל זאל זיצען הויבען אן: און דיא טרייסטער זאלן זיצען ביי דער זייט:

פרק שביעי

א אז: עס שטייט אין פסוק דאמאלס בין איך געוועזען אין זיינע אויגען אזוי וויא דיא וואס געפינט שלום. [דיא אגדתא געפינט זיך אין סוף מסכת כתובות]:

ב תניא. מיר האבען גילערנט רבי מאיר זאגט וואס מיינט דער פסוק עס איז בעסער צו גיין אין דיא שטוב וואו מען טרויערט אויף א מת. וויא צוא גיין אין דיא שטוב וואו עס איז א סעודה. ווייל דארט זעהט מען דעם סוף פון אלע מענטשין. וועט דער לעבעדיגער געמען אין הארצען. וואס וועט דער לעבעדיגער נעמען אין הארצען. דיא זאכען פון טויט. דער וואס איז מספיד. וועט מען אמאהל אים אויך מספיד זיין: דער וואס בגראבט דעם מת. וועט מען אמאהל אים אויך בגראבען. דער וואס וויינט מיט א הויכע שטימע אויף דעם מת. וועט מען אמאהל אויף אים אויך וויינען מיט א הויכע שטימע. דער וואס באגלייט דעם מת. וועט מען

דיספד יתן אל לבו שאף הוא יספדוהו ואל ידע לו אם נהג כן: דידל. מרים קולו בבכי אמספד: דילוי. מלוה את המת מבית האבל לקבר: ריחים ותנור. המטלטלין:
[במקללת יולדיו בפני מולידיו. כלו' בפניו דמהניתין לא תימא לפניו ממש אלא אפילו מקללת אביו של בעל בפני בנו של בעל: וסימניך אפרים ומנשה וגו'. ופסוק זה יהא לך סימן על מתניתנו נזכור על יחו דבפניו דמהימתין לא תימא בפניו ממש אלא יפני בנו קאמר והוי כאלו בפניו: אפרים ומנשה. בני בניו כבניו]:
אציון יאמר איש וגו'. לעתיד לבא כשיתקיים מקרא שכתוב והביאו את כל אחיכם מכל הגוים מנחה לה' וגו' כל מקום שימצאו שם ישראל יאמרו הגוים זהו מבני ציון זה יולד בה נביאנו שם. ולציון

לבו דברים של מיתה דיספד יספדוניה דיקבר יקברוניה דידל ידלוניה דילוי ילווניה דטען יטענוניה:

ג תנ"ה המדיר את אשתו שלא תשאל ולא תשאיל נפה וכברה ריחים ותנור יוציא ויתן כתובה מפני שמשיאה שם רע בשכנותיה וכן הוא שנדרה שלא תשאל ושלא תשאיל נפה וכברה ריחים ותנור ושלא תארוג בגדים נאים לבניו תצא שלא בכתובה מפני שמשיאתו שם רע בשכניו:

ד ובעון נדרים בנים מתים שנא' (קהלת ה) אל תתן את פיך לחטיא את בשרך וגו' ואיזו הן מעשה ידיו של אדם הוי אומר בניו ובנותיו וכו'.

(ע"ב) פיסקא אלו יוצאות שלא בכתובה וכו' המקללת יולדיו בפניו. אמר רב יהודה אמר שמואל במקללת יולדיו בפני מולידיו וסימנך (בראשית מח) אפרים ומנשה כראובן ושמעון יהיו לין:

(דף עה) ה ולציון יאמר איש ואיש יולד בה והוא יכוננה עליון (תהלים פז) א"ר מישא בר

אמאהל אים אויך בגלייטין. דער וואס טראגט דעם מת וועט מען אמאל אים אויך טראגן:

ג תניא. מיר האבען אויך אזוי גילערונט דער וואס טוהט אנדר אויף זיין ווייב זי זאל ניט בארגין ביי קיינעם. אונ זיא זאל ניט פאר בארגין צוא קיינעם. ניט אדינגע זיפ אונ ניט אגראבע זיפ אונ ניט אמיהל שטיין אונ ניט אהויבין: זאל דער מאן איר גטין אונ געבין כתובה. וייל ער מאכט איר א שלעכטין נאמען צווישען דיא שכנים. אונ אויב זיא האט אנדר גיטאהן זיא זאל ניט בארגין בייא קיינעם. אונ זיא זאל ניט פאר בארגין צוא קיינעם. ניט אדינגע זיפ אונ ניט אגראבע זיפ. אונ ניט אמיהל שטיין אונ ניט אהויבין. אונ זיא זאל ניט וועבין שיינע קליידר פאר זיינע קינדער. זאל זיא נעמען גט פון מאן אן כתובה. וייל זיא מאכט אים אשלעכטין נאמען צווישען דיא שכנים:

ד בעון. אז מען טוהט אנדר אונ מען איז ניט מקיים שטארבין דיא קינדער פון דעם מענטש. אזוי ויא עס שטייט אין פסוק דוא זאלסט ניט געבין דיין מויל צוא מאכען זינדיגען דיין לייב פאר וואס זאל גאט זיין אין כעס אויף דיין קול ואויף דיין נדר וואס דו האסט גירעט מיט דיין מויל) אונ ער וועט פאר דארבין דיא ווערק פון דיינע הענט: וואס זענען דיא ווערק פון דעם מענטשינס הענט. זיינע זיהן אונ זיינע טעכטער: דיא ווייבער מוזין נעמען גט אונ מען דארף זייא ניט געבין דיא כתובה. אז זיא פלוכט דעם מאנס פאטער אונ מוטער פאר דעם מאן. דאס מיינט מען זיא זאגט צום מאן פאר פלוכט זאלין ווערין דיין פאטער אונ מוטער וואס האבען דיך גיבארין. רב יהודה זאגט פון שמואלס וועגין אפילו זיא פלוכט דיא פאטער אונ מוטער פון מאן פאר זיינע קינדער. דאס מיינט מען זיא זאגט צום מאנס זוהן פאר פלוכט זאלין ווערין דיין פאטערס פאטער אונ מוטער וואס זייא האבען אים גיבארין. מוז זיא ארויס ניין פון מאן מיט גט אן כתובה: אצייכען צו גידיינקן וויא מען האט גילערונט וועט זיין דער פסוק יעקב האט גזאגט צו יוסף אפרים אונ מנשה וועלין בייא מיר זיין אזוי וויא ראובן אונ שמעון. אזוי שמועסט דיא משנה אז זיא פלוכט דעם זיידין פר דעם אייניקול:

ה ולציון. אונ צו ציון וועט גזאגט ווערין. יעדער מענטש וואס אין איר איז גיבארין גיווארין; אונ ער איז פאר טריבען גיווארין צווישען דיא פעלקער. אז משיח וועט קומען וועלין דיא פעלקער אים צוריק ברייגען אין ציון. אונ גאט וועט אן ברייטען ציון זיא זאל זיין הויך די העכסטע לאנד פון דער וועלט. רבי מישא דער אייניקול פון רבי יהושע בן לוי האט גזאגט.

בר בריה דר' יהושע בן לוי אחד הנולד בה ואחד המצפה לראותה אמר אביי והד מינייהו עדיף כת"י מינן. אמר רבא וחד מינן כי סליק להתם עדיף כתרי מנייהו דהא ר' ירמיה דכי הוה הכא לא הוה ידע מאי קאמרי רבנן כי סליק להתם קרי לן בבלאי טפשאי: (דף פז ע"ב) **ן מכריז** ר' יוחנן הזהרו מזבובים של בעלי ראתן ר' זירא לא הוה יתיב בזיקיה ר' אלעזר לא עייל באהליה ר' אמי ור' אסי לא הוו אכלי מביעי דההיא מבואה ר' יהושע ב"ל מיכרך בהו ועסיק [בהו ועסיק] בתורה אמר (משלי ה) אילת אהבים ויעלת חן אם חן מעלה על לומדיה אגוני לא מגנא כי הוה שכיב אמרו ליה למלאך המות זיל עביד ליה רעותיה אזל אתחזי ליה א"ל אחוי לי דוכתאי אמר ליה לחיי [א"ל] הב לי סכינך דלבא מבעתת לי באורחא יהבה ניהליה כי מטא להתם דלייה קא מחוי ליה שוור נפיל להההוא גיסא נקטה בקרנא דגלימיה א"ל בשבועתא דלא

כמו וישאלו אנשי המקום לאשתו על אשתו: אחד כנ"ד כה כו'. איש איש יאמרו קא דרים: אחד הנולד בה ואחד המצפה לראותה. יקרא מבניה ויביאו אלה: והוא יכוננה עליון. הקב"ה יכוננה להיות עליון למעלה על כל העולם: וחד מינייהו. מבני ארץ ישראל: עדיף. פקחים וחריפים: וחד מינן. מת"ח שבבבל:
בעלי ראתן. שיש לו כמותו: הזהרו מזבובי בעלי ראתן. זבובים השוכנים עליו קשות להביא אותו החולי על איש אחר: בזיקים. במקום שמנשב רוח אחד על שניהם: מיכרך בהו. נדבק אצלם בשעה שעסק בתורה הו"יבן אצלו ומוכחת היא בתגין התורה עליו ולא יוזק: כי הוה שכיב כשהגיע זמנו ליפטר: אחוי לי דוכתאי. הולך כמו לגן עדן והראי מקומי: שוור. קפץ: איתשיל

סי דער וואס איז געבארן געווארן אין ציון אונ סיי דער וואס האפט צוא זעהן ציון געהערין שוין צוא ציון. אונ דיא פעלקער וועלין אים ברייגען אין ציון: אביי זאגט איינער פון ארץ ישראל איז אזוי גוט וויא צווייא פון אונז. רבא זאגט אז איינער פון אונז קומט אין ארץ ישראל: איז ער אזוי גוט וויא צווייא פון ארץ ישראל. ווארום רבי ירמיה אז ער איז געוועזן דא אין בבל האט ער ניט געוואוסט וואס די רבנן זאגיי אונ אז ער איז געקומען אין ארץ ישראל. האט ער אונז גירופען דיא נארישע מענטשין פון בבל·

ן מכריז. רבי יוחנן האט אויס געריפען איהר זאלט אייך היטען פאר דיא פליגען וואס זעצען גישטאנין אויף דיא בעלי ראתן וראס איז אמענטש וואס האט אשרץ אין מוחו. ווארום דיא פליגען קענען ברייגען דיא קראנקייט אויף איין אנדער מענטש. רבי זירא איז ניט געזעסין נאנט פון דעם בעל ראתן ווען עס איז געוועזן אוינט טאטער וועט דער ווינט אראפ בלאזין דיא קראנקייט פון אים אויף רבי זירא. רבי אלעזר איז ניט אריין גיגאנגען אין דיא שטוב וואו דער בעל ראתן איז געוועזן· רבי אמי אונ רבי אסי האבין ניט געגעסין דיא אייער פון דיא גאס וואס דער בעל ראתן האט דארט געוואהנט. רבי יהושע בן לוי ווען ער פלעגט לערנען תורה פלעגט ער זיך זעצין נעבין דיא בעלי ראתן. אונ האט מיט זייא געלערנט תורה. ווארום רבי יהושע האט גיזאגט עס שטייט אין פסוק דיא תורה איז וויא אגעליבטע איינר אונ זיא ברייגט חן אויף דעם מענטשין. אויב דיא תורה קען געבין חן אויף דעם מענטש וואס לערנט איר. איז געוויס אז זיא וועט בשיצען אויף דיא מענטשין וואס לערנען איר. עס זאל קיין שעדין אויף זיי א ניט קומען. אז עס איז גיקומען דיא צייט רבי יהושע בן לוי זאל שטארבין. האט מען אין הימעל גיזאגט צום מלאך המות גיי צו רבי יהושע אונ טוה אים זיין ווילען. איז דער מלאך המות גיגאנגען אונ איז גיזעהן געווארן צוא רבי יהושע. האט רבי יהושע גיזאגט צום מלאך המות פיר מיך אין גן עדן אונ וויז מיר מיין ארט. האט דער מלאך המות גיזאגט צו רבי יהושע גוט איך וועל דיך פירען צום גן עדן. האט רבי יהושע גיזאגט צום מלאך המות גיב מיר דיין מעסער ווארום איך האב מורא טאמער וועסטו מיך שרעקין אין וועג. האט דער מלאך המות גיגעבין צוא רבי יהושע זיין מעסער. אז זייא זענען גיקומען נעבין גן עדן האט דער מלאך המות אויף גיהויבן רבי יהושע אונ האט אים געוויזען וועלכער ארט איז זיינער. האט רבי יהושע אשפ אונ גישפרונגען אונ איז אריין גיפאלין אין דיא אנדערע זייט. אין גן עדן. האט דער מלאך המות אן גינומען זיין עק קלייד. ער זאל צוריק ארויס גיין. האט רבי

דלא אתינא אמר הקב"ה אי איתשיל אשבועתא ניהדר אי לא לא ניהדר א"ל הב לי סכינאי לא יהב ליה נפקת בת קלא ואמרה ליה יהביה ניהליה דמתבעי לברייתא מכריז אליהו קמיה פנו מקום לבר ליואי פנו מקום לבר ליואי אזל אשכחיה לר' שמעון בן יוחאי דהוה יתיב על תלת עשר תבטקי פיזא א"ל את הוא בר ליואי א"ל הן א"ל נראתה הקשת בימיך א"ל הן א"כ אי אתה בר ליואי ולא היא דלא הואי מידי אלא סבר לא אחזיק טיבותא לנפשאי. רבי חנינא בר פפא שושביניה הוה כי הוה קא ניחא נפשיה אמרו ליה למלאך המות זיל עביד ליה רעותיה אזל לגביה ואתחזי ליה א"ל שבקי תלתין יום עד דניהדר תלמודאי דאמרי אשרי מי שבא לכאן ותלמודו בידו שבקיה לבתר תלתין יומין אזל אתחזי ליה א"ל אחוי לי דוכתאי אמר לו לחיי א"ל הב לי סכינך דלמא מבעתת לי באורחא אמר לו כחברך בעית למעבד לי אמר לו אייתי

אשבועתא. אם נשבע בשבועה מעולם ונשאל עליה להתירה: תבטקי. פסטי"ל: א"כ לית את בר ליואי. אין אתה ראוי לכבוד זה שאני שומע שהקשת אינו אלא אות ברית שלא יחרב העולם ואם יש צדיק גמור בדור אין צריך אות: דלא הואי מידי. לא נראה הקשת בימיו: שושביניה. אוהבו ורגיל

יהושע געזאגט איך שווער איך זאל ניט צוריק ארויס גיין. האט גאט געזאגט אויב רבי יהושע האט אמאהל געשווארין אונ ער האט זיך מתיר געווען די שבועה. זאל מען אים היינט אויך מתיר זיין די שבועה אונ ער זאל ארויס גיין. אונ אויב מען האט אים קיין מאהל ניט מתיר געווען א שבועה, זאל מען אים היינט אויך ניט מתיר זיין. אונ ער זאל בלייבן אין גן עדן. איז רבי יהושע געבליבן לעבעדיג אין גן עדן. האט דער מלאך המות געזאגט צו רבי יהושע גיב מיר מיין מעסער. האט רבי יהושע ניט געוואלט געבן. ווייל ער האט מורא געהאט טאמער וויל דער מלאך המות אים הרגנן אין גן עדן. איז ארויס געגאנגען א קול פון הימעל אונ האט געזאגט צו רבי יהושע גיב אים דעם מעסער. ווארום ער דארף דעם מעסער פאר אנדערע מענטשין. ניט פאר דיר. האט אליהו הנביא אויס גערופן צוא די צדיקים מאכט ליידיג א ארט פאר לוים זוהן; מאכט ליידיג א ארט פאר לוים זוהן. איז רבי יהושע געגאנגען אין גן עדן אונ האט געטראפן רבי שמעון בן יוחאי זיצט אויף דרייצעהן קישונס פון גאלד; האט רבי שמעון געזאגט צו רבי יהושע דו ביסט לוים זוהן. האט רבי יהושע געזאגט יא; האט רבי שמעון געזאגט צו רבי יהושע אין די צייט וואס דו ביסט געווען אויף דער וועלט האט מען געזעהן א רעגין בויגין? האט רבי יהושע געזאגט יא. האט רבי שמעון געזאגט אויב אזוי ביסטו ניט לוים זוהן. ביסטו ניט ווערט אזוי א כבוד וואס מען האט דא פאר דיר געמאכט. ווארום דער רעגינבויגין איז א צייכן אז די וועלט וואלט געדארפט חרוב ווערין. נאר גאט האט רחמנות. אונ אז עס איז דא א אמת'ר צדיק אויף דער וועלט. קען ניט די וועלט חרוב ווערין. דארף מען דאך ניט דעם רעגינבויגין. זאגט די גמרא אבער עס איז ניט אזוי געווען. די גאנצע צייט וואס רבי יהושע האט געלעבט איז קיין רעגינבויגין ניט געווען; נאר רבי יהושע האט ניט געוואלט זאגין אויף זיך אז ער איז אזוי א צדיק; דער מלאך המות איז געווען געוואנט אריין צו קומען צו רבי חנינא בר פפא. אז עס איז געקומען די צייט רבי חנינא זאל שטארבין. האט מען אין הימעל געזאגט צום מלאך המות. גיי צו רבי חנינא אונ טוה אים זיין ווילען. איז דער מלאך המות געגאנגען אונ איז געזעהן געווארין צו רבי חנינא; האט רבי חנינא געזאגט צום מלאך המות לאז מיך לעבין נאך דרייסיג טעג. ביז איך וועל איבער חזרין מיין לערנען. ווארום מען זאגט וואהל צו דעם וואס קומט אויף יענע וועלט אונ ער געדיינקט זיין לערנען. האט דער מלאך המות אים אפ געלאזין. נאך דרייסיג טעג איז דער מלאך המות געגאנגען אונ איז געזעהן געווארין צוא רבי חנינא. האט רבי חנינא געזאגט צום מלאך המות פיר מיך אין גן עדן אונ ווייז מיר מיין ארט; האט דער מלאך המות געזאגט צוא רבי חנינא גוט איך וועל דיך פירען צום גן עדן; האט רבי חנינא געזאגט צום מלאך המות גיב מיר דיין

ספר תורה וחזי מי איכא מידי דכתיב ביה דלא קיימתיה א"ל מי איכרכת בבעלי ראתן ואיעסקת בתורה ואפ"ה כי נח נפשיה אפסיק ליה עמודא דנורא בין דידיה לעלמא וגמירי דלא מפסיק עמודא דנורא אלא לחד בדרא או לתרין בדרא קרב לגביה ר' אלכסנדרי אמר עשה בשביל כבוד חכמים לא אשגח עשה בשביל כבוד אביך לא אשגח עשה בשביל כבוד עצמך אסתלק אמר אביי לאפוקי ממאן דלא קיים אפי' אות אחת א"ל רב אדרא בר מתנא לאפוקי ממר דלא אית ליה מעקה לאיגריה ולא היא מיהוי הוה וההיא שעתא הוא דשדייה זיקא א"ר חנינא מפני מה אין בעלי ראתן בבבל מפני שאוכלין תרדין ושותין שכר של היזמי. א"ר יוחנן מפני מה אין מצורעים בבבל מפני שאוכלין תרדין ושותין שכר ורוחצין במי פרת:

אילו מלאך המות: מי איכרכת בבעלי ראתן ועסקת בתורה. כדהוה עביד איהו שהיה מסכן בנפשו לכבוד את התורה: בשביל כבוד אביך. שקראו אותך ונספדו ותעסקו בך: ואמר אביי לאפוקי ממאן דלא קיים. עמוד זה בא להוציא מעלה מי שלא קיים את כל התורה כמו שקיים הוא: את' היזמי. שמטילין בה כשות שגדל בהיזמי:

פ"מ

הכותב פרק תשיעי

(דף סס ע"ב) **א ההוא** דא"ל נכסי לטוביה שכיב וכו' אתו ב' טוביה שכן ותלמיד חכם

מעסער. ווארום איך האב מורא טאמער וועסטו מיך שרעקן אין וועג. האט דער מלאך המות גזאגט צוא רבי חנינא דוא ווילסט אויך טאהן וויא דיין חבר רבי יהושע האט גיטאהן. האט רבי חנינא גזאגט צום מלאך המות ברייננ אספר תורה אונ זעה אויב עס שטייט אזאך אין די ספר תורה וואס איך האב דאס ניט מקיים גיוועזן. בין איך דאך אזוי אצדיק וויא רבי יהושע. האט דער מלאך המות גזאגט צוא רבי חנינא ביסטו אויך גיזעסין נעבין דיא בעלי ראתן אונ האסט גילערנט מיט זייא תורה. אזוי וויא רבי יהושע האט גיטאהן: זאגט דיא גמרא פון דעסטוועגין ווען רבי חנינא איז גישטארבען איז אראפ גיקומען אפייערדיגער זייל אונ האט אפ גיטיילט צווישן רבי חנינא אונ דיא אנדערע מענטשין וואס זענען דארט גישטאנען. אונ מיר האבין גילערנט אז אפייערדיגער זייל קומט נאר אראפ פאר אזוי אמענטשין וואס איז דער גרעסטער צדיק פון דער וועלט. אדער עס איז דא נאך איין צדיק אזוי וויא ער איז. ניט מעהר. איז רבי אלכסנדרי צוא גיגאנגען יאנט צוא רבי חנינא אונ האט גזאגט צוא איהם טוה וועגין דעם כבוד פון דיא חכמים. אונ דער פייערדיגער זייל זאל אוועק גיין: האט רבי חנינא ניט אן גינומען זיינע רייד: האט רבי אלכסנדרי נאך גזאגט טוה וועגין דעם כבוד פון דיין פאטער. אונ דער פייערדיגער זייל זאל אוועק גיין. האט רבי חנינא ניט אן גינומען זיינע רייד: האט רבי אלכסנדרי נאך גזאגט טוה וועגין דיין כבוד אונ דער פייערדיגער זייל זאל אוועק גיין. מען זאל קענען צוא גיין צוא דיר דיך מספיד זיין. איז דער פייערדיגער זייל אוועק גיגאנגען: אביי האט גזאגט דער פייערדיגער זייל איז אראפ גיקומען צוא פאר שטעלין אז עס זאל ניט צוא גיין צוא רבי חנינא אזוי אמענטש וואס האט גיפעלט צוא מקיים זיין אפילו נאר איין אות פון דיא תורה. רב אדא בר מתנא האט גזאגט צוא אביי דער פייערדיגער זייל איז גיקומען צוא פאר שטעלין דו זאלסט ניט צוא גיין צוא רבי חנינא. ווייל דוא האסט ניט גימאכט אמעקה ואגאנעקי צוא דיין בוידים. קען מען אראפ פאלען. זאגט דיא גמרא עס איז ניט אזוי. עס איז גיוועזן אגאנעק ביי דעם בוידים. נאר איצט האט דער ווינט אראפ גיווארפען דעם גאנעק. רבי חנינא האט גזאגט פאר וואס אין בבל איז ניטא קיין בעלי ראתן. ווייל זייא עסין תרדין אונ טרינקען ביר וואס איז גימאכט מיט אפען. רבי יוחנן האט גזאגט פאר וואס אין בבל איז ניטא קיין קרעציגע מענטשין. ווייל זייא עסין תרדין אונ טרינקען ביר אונ באדין זיך אין די וואסער פון טייך פרת:

פרק תשיעי

א ההוא. אקראנקער האט אמאהל גזאגט מיין פאר מעגין זאל מען געבין צוא טוביה

ת"ה קודם קרוב ות"ח ת"ח קודם איבעיא להו שכן וקרוב מאי ת"ש (משלי כז) טוב שכן קרוב מאח רחוק שניהם קרובים שניהם שכנים שניהם ת"ח שודא דדייני :

פירוש: ת"ח קודם. דמסתמא אדם מגדיק מעשיו לזכות בשעת מיתה דאמר מר כל הנביאים לא נתנבאו אלא למהנה ת"ח מנכסיו : שודא דדייני. כטלת הדיינים לפי מה שיראו דיינים שהיה דעתו של מת לקרב את זה יותר מזה או מי שהגונים טוב ומ"ג בדרך ישרה שי"ל בו נתכוון המת לזכות : טודא . כמו שדי בימא דמתרגמינן ירה בים כטיל בים :

אלמנה ניזונת פרק אחד עשר

(דף נו) **א א"ר** [חייא בר אבא א"ר] יוחנן כל המונע תלמידו מלשמשו כאלו מונע ממנו חסד שנאמר (איוב ו) למס מרעהו חסד רב נחמן בר יצחק אומר אף פורק ממנו יראת שמים שנאמר (שם) ויראת שדי יעזוב :

פירוש: למס מרעהו חסד. המונע עצמו מרעהו ממיס ממנו חסדים ולי"ג דמפקין לה מדכתיב לעיל מיניה ופושים מדה ממני וכתיב ליה למס מרעהו חסד :

הנושא פרק שנים עשר

(דף קג) **א ת"ר** בשעת פטירתו של רבי אמר לבני אני צריך נכנסו בניו אצלו אמר להם הזהרו בכבוד אמכם נר יהא דלוק במקומו שלחן יהא ערוך במקומו מטה תהא

פירוש: נר יהא דלוק במקומו. אגל כשלחן כמו בחייו דכל

אונ ער איז געשטארבין . זענען גיקומען צוויא טוביהם . איינער איז גיוועזן אשכן פון דעם גישטארבענעם . אונ איינער איז גיוועזן אלמדן . אונ מען וייסט ניט וועלכין טוביה ער האט גימיינט ; זאל מען געבין דעם תלמיד חכם . אונ אויב איינער איז גיוועזן אתלמיד חכם . אונ איינער איז גיוועזן אפריינד . זאל מען געבין דעם תלמיד חכם דעם פארגעגין ; האט מען גיפרעגט אויב איינער איז אשכן אונ איינער איז אפריינד . צו וועמען זאל מען געבין . זאגט דיא גמרא שלמה המלך האט גיזאגט אנאנטער שכן איז בעסער וויא א ווייטער ברודער ; זאל מען געבין דעם שכן ; אונ אויב ביידע טוביהם זענען גיוועזן פריינד . אדער ביידע זענען גיוועזן שכנים . אדער ביידע זענען תלמידי חכמים . וועמען זאל מען געבין . מוזין דיא דיינים קלערין אונ נאך כרענין וועמען דער גישטארבענער האט ליבער גיהאט ; דעם זאל מען געבין דאס פארמעגין ;

פרק אחד עשר

א אמר ; רבי חייא בר אבא האט גיזאגט פון רבי יוחנן ווענין דער רבי וואס לאזט ניט דעם תלמיד ער זאל אים בדינען . פאר מיידט ער פון אים חסד ולאזט ער ניט דעם תלמיד זאל גוט זיין ; אזוי וויא עס שטייט אין פסוק למס מרעהו חסד . דער וואס פאר מיידט זיך פון זיין חבר ודער רבי וואס פאר מיידט זיך פון זיין תלמיד . ער לאזט ניט דער תלמיד זאל אים בעדינען ; פאר מיידט ער פון אים חסד . רב נחמן בר יצחק זאגט דער רבי נעמט אראפ פון דעם תלמיד דיא מורא פאר גאט . ווארום אז דער תלמיד בדינט זיין רבי איז ער שטענדיג געבין זיין רבי אונ ער זעהט דיא פרומקייט אונ דיא גוטע מדות פון רבי טוהט ער אויך אזוי ; אבער אז דער רבי דער ווייטערט דעם תלמיד פון זיך . ווייסט נאר דער תלמיד דאס לערנען ; אבער פון גוטע מעשים ווייסט ער ניט אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ויראת שדי יעזוב . דער תלמיד וועט פארלאזין דיא מורא פאר גאט ;

פרק שנים עשר

א תנו רבנן . דיא רבנן האבין גילערונט ווען רבי האט גידארפט שטארבין ; האט ער גיזאגט איך דארף מיינע קינדער . זענען דיא קינדער אריין גיגאנגען צו אים . האט רבי גיזאגט צו דיא קינדער איר זאלט זיין געהיט צו געבין כבוד אייער מוטער . אליכט זאל ברענען

תהא מוצעת במקומה יוסף חפני שמעון אפרתי הם שמשוני בחיי והם ישמשוני במותי. הוזהרו בכבוד אמכם דאורייתא הוא דכתיב (שמות כ) כבד את אביך ואת אמך אשת אב הואי אשת אב נמי דאורייתא הוא דתניא (דברים ה) כבד את אביך ואת אמך את אביך זו אשת אביך ואת אמך זה בעל אמך וא"ו יתירה לרבות אחיך הגדול הני מילי מחיים אבל לאחר מיתה לא. נר יהא דלוק במקומו שלחן יהא ערוך במקומו מטה תהא מוצעת במקומה מ"ט כל בי שמשי הוה אתא לביתיה ההוא בי שמשא אתאי שיבבתא קא קרי אבבא אמרה אמתיה שתיקי דרבי יתיב כיון דשמע שוב לא אתא שלא להוציא לעז על צדיקים הראשונים. יוסף חפני ושמעון אפרתי הם שמשוני בחיי והם ישמשוני במותי סבור מינה בהדין עלמא הוא דקאמר כיון דחזו דקדים ערסיהו לערסיה אמרי ש"מ להההוא עלמא הוא דקאמר והאי

ע"ש היה בא לביתו משנפטר כדלקמן: יוסף חפני. דמן חיפא: את אביך. כל אתין רבוין: וא"ו יתירה. דואת אמך: הני מילי. דחייב בכבוד אשת אביו בחיי אביו: בי שמשי. ע"ש והיה בעיני לפי שבין השמשות שלו שגור בפי כל העולם הכרזה אליו לגמור מלאכתם עד שלא תחשך לא קרי בי שמשי: שלא להוציא לעז כו'. לומר לא צדיקים היו שלא היה להם רשות לבא לביתם כמו רבי: סבור מינה בהדין עלמא. שהיו משמשים שיתעסקו בקבורתו: דקדים ערסייהו לערסיה. שם נקברו תחלה: והאי דקאמר הכי. שנזקק להודיע

אויף דעם אָרט וואו עס בּרענט אַלע מאָהל. דער טיש זאָל זיין גיגרייט אויף דיין אָרט וואו ער שטייט אַלע מאָהל. דיא בּעט זאָל זיין גיבּעט אויף איר אָרט וואו זיא שטייט אַלע מאָהל. יוסף חפני אונ שמעון אפרתי זייא האָבּין מיך בּעדינט בּייא מיין לעבּין. זייא זאָלין מיך בּעדינען בּייא מיין שטאַרבּין. פרעגט דיא גמרא צוא וואָס האָט רבּי גיבּאָטין דיא קינדער זייא זאָלין זיין געהיט צוא געבּין כּבוד זייער מוטער. זייא מוזין דאָך געבּין כּבוד זייער מוטער. ווייל דיא תּורה האָט גיבּאָטין. אַזוי וויא עס שטייט אין פּסוק דוא זאָלסט געבּין כּבוד צוא דיין פאָטער און מוטער. ענטפערט דיא גמרא עס איז ניט גיוועזן קיין מוטער. נאָר דעם פאָטערס ווייב. דיא ווייב פון רבּי. פרעגט דיא גמרא דעם פאָטערס ווייב שטייט דאָך אויך אין דיא תּורה אַז מען בּאַדאַרף איר געבּין כּבוד. וואָרום מיר האָבּין גילערנט עס שטייט אין פּסוק כּבּד את אביך ואת אמך. וועגען דיא צווייא מאָהל את איבּעריג נאָר את אביך מיינט מען דיין פאָטערס ווייב. דיין שטיף מוטער. אונ את אמך מיינט מען דיין מוטערס מאַן. דיין שטיף פאָטער. אונ דער איבּעריגער וא"ו פון ואת אמך. מיינט מען דיין עלטערין בּרודער. אַזוי אַמענטש געבּין כּבוד זיין שטיף פאָטער אונ זיין שטיף מוטער אונ זיין עלטערין בּרודער. ענטפערט דיא גמרא וועןן בּאַדאַרף אַמענטש געבּין כּבוד זיין פאָטערס ווייב. נאָר ווען דער פאָטער לעבּט. אָבּער אַז דער פאָטער איז שוין גישטאָרבּין בּאַדאַרף ער נישט געבּין כּבוד צו דיא שטיף מוטער. דריבּער האָט רבּי גיבּאָטין צו זיינע קינדער אַז אַפילו נאָך זיין שטאַרבּין זאָלין זייא געבּין כּבוד צו זיין ווייב. רבּי האָט גיבּאָטין אַליכט זאָל בּרענען אויף דעם אָרט וואו עס בּרענט אַלע מאָהל. דער טיש זאָל זיין גיגרייט אויף זיין אָרט וואו ער שטייט אַלע מאָהל. דיא בּעט זאָל זיין גיבּעט אויף איר אָרט וואו זיא שטייט אַלע מאָהל. צו וואָס דאַרף מען דאָס. זאָגט דיא גמרא אַלע פרייטאָג צו נאַכט פלעגט רבּי קומען אַהיים. אַמאָהל פרייטאָג צוא נאַכט איז גיקומען אַשכנתע האָט גירופין בּייא דיא טיר מען זאָל איר עפענען. האָט דיא דינסט גיזאָגט צו דיא שכנתע שווייג: וואָרום רבּי זיצט. ווי רבּי האָט דאָס גיהערט איז ער שוין מער ניט גיקומען. מען זאָל ניט רידין אויף אַנדערע צדיקים. וואָרום מען וועט זאָגין ווייל זייא קענען ניט קומען אַהיים אַזוי וויא רבּי. איז געווים אַז זיי זענין ניט גיוועזן אַזוי פרום ווי רבּי. רבּי האָט גיזאָגט יוסף חפני אונ שמעון אפרתי האָבּין מיך בּעדינט בּיי מיין לעבּין. זאָלין זיי מיך בּעדינען בּיי מיין שטאַרבּין. האָט מען גימיינט אַז רבּי וויל זיי זאָלין איהם בּעדינען אויף דער וועלט. זיי זאָלין איהם בּגראָבּין אונ מספּיד זיין. זייא מען האָט גיזעהן אַז יוסף אונ שמעון זענין גישטאָרבּין פריער ווי רבּי האָט מען גיוואוסט אַז רבּי מיינט זיי זאָלין איהם בּעדינען אויף יענע וועלט. פרעגט דיא גמרא צו וואָס האָט דאָס רבּי

שימושו ושירותו: דלא ליתרו. אינשי עלייהו בשימושו מלתא דאיכרתא כו' ש שלא זכו להעסק בו ולמנהגי מלתא דהוי דלא שכינו בפני דרבי ושהיה דרבי מנהג עלייהו: עיירות. גדולות מן כפרים וכרכים גדולים מהם: והושיבו ישיבה. לעסוק בתורה: לאחר שלשים יום. של פטירתו מיד אלא שהיו עסוקים בהספד: שמעון בני חכם הוא. לקמן פריך מאי קאמר: חנינא בר חמא ישב בראש. סיפנה: סבור מינה משום טורח. דבני כפרים דסמיכו לעיירות ואתו למספדי: כיון דהוו דקא הספדוהו בכרכים וקא אתו כולי עלמא. מעיירות ומכפרים אמרו משום יקרא הוא דאמר: יומא דאשכבתיה. יום פטירתו:

גליון

והאי דאמר הכי דלא ליטרו מלתא הואי להו ועד האידנא נמי זכותא דרבי הוא דאהניא להו. אמר להם להכמי ישראל אני צריך נכנסו אצלו חכמי ישראל אמר להם אל תספדוני בעיירות (ע"ג) והושיבו ישיבה לאחר שלשים יום שמעון בני חכם גמליאל בני נשיא חנינא בר חמא ישב בראש. אל תספדוני בעיירות סבור מינה משום טרחא הוא דקאמר כיון דחזו דקספדי בכרכים וקאתו כ"ע [אמרו] ש"מ משום יקרא הוא דקאמר. הושיבו ישיבה לאחר שלשים יום דלא עדיפנא ממשה רבינו דכתיב (דברים לד) ויבכו בני ישראל את משה בערבות מואב שלשים יום תלתין יומין ספדי בימטא ולילא מכאן ואילך ספדי בימטא וגרסי בליליא או ספדי בליליא וגרסי בימטא עד דכפדי תריסר ירחי שתא. ההוא יומא דאשכבתיה דר' נפק בת קול ואמרה כל דהוה באשכבתיה דר' מזומן הוא לחיי העולם הבא. ההוא כובס כל יומא הוה אתי קמיה ההוא יומא לא אתא כיון דשמע הכי סליק

גיבארפט זאגין. אז יוסף אונ שמעון וועלין איהם בעדינען אויף יענע וועלט. ווארום אז מען וועט זעהן זיי שטארבין גלייך ווען רבי שטארבט. וועט מען זאגין זיי האבין געזינדיגט דריבער שטארבין זייא יונג. אונ וואס זייא האבין גילעבט ביז איצט. דער זכות פון רבי האט זייא גיהאלפין. דריבער האט רבי פריער גיזאגט אז זייא וועלין שטארבין פאר אים. זייא זאלין אים בעדינען אויף יענע וועלט. דער נאך האט רבי גיזאגט איך דארף דיא חכמים פון דיא [ישראל] יודין. זענען אריין גיגאנגען צו אים דיא חכמים פון דיא יודין. האט רבי גיזאגט צוא זייא איר זאלט ניט זאגין אויף מיר אהספד אין מיטעלע שטעט. אונ באלד נאך דרייסיג טעג פון מיין שטארבין זאלין די מענטשין פון דער ישיבה ווייטער לערנען אזוי ויא זיי האבין גילערנט ווארום די גאנצע דרייסיג טעג האט די ישיבה ניט גילערנט מען האט טאג אונ נאכט גיזאגט הספדים אויף רבין. מיין זוהן שמעון איז א חכם. מ"ז זוהן גמליאל זאל זיין א נשיא. חנינא בר חמא זאל זיין דער ראש ישיבה. זאגט דיא גמרא רבי האט גיזאגט מען זאל אים ניט מספיד זיין אין מיטעלע שטעט. האט מען גימיינט ווייל רבי וויל ניט מטריח זיין דיא דארפס מענטשין וואס זייא וועלין געווים קומען אין שטאט צום הספד. אז דיא חכמים האבין גיזעהן מען איז אים מספיד אין גרויסע שטעט אונ אלע מענטשין קומען צום הספד: פון די דערפער אונ פון דיא שטעט. האט מען גיזאגט רבי האט געווים גימיינט פון וועגין דעם כבוד פון דער תורה. דריבער זאל מען אים מספיד זיין אין גרויסע שטעט. עס זאל זיין גרוים כבוד. נאך האט רבי גיזאגט. אז באלד נאך דרייסיג טעג פון זיין שטארבין זאלין דיא מענטשין פון דער ישיבה ווייטער לערנען אזוי וויא זייא האבין גילערנט. ווארום איך בין ניט בעסער פון משה רבינו. ביי משה רבינו האבין די יודין גיוויינט אויף משה אין ערבות מואב דרייסיג טעג: דיא ערשטע דרייסיג טעג נאך רבים שטארבין. האט מען גיזאגט הספדים ביי טאג אונ ביי נאכט. נאך דרייסיג טעג האט מען מספיד גיוועזן ביי טאג אונ מען האט גילערנט ביי נאכט. אדער מען האט מספיד גיוועזן ביי נאכט אונ מען האט גילערנט ביי טאג. ביז צוועלף חדשים פון יאהר. דער טאג וואס רבי איז גישטארבין איז ארויס גיגאנגען אקול פון הימעל אונ האט גיזאגט ווער עס איז גיוועזן ביי רבים שטארבין: איז ער אן גבערייט צוא לעבין אויף יענע וועלט. עס איז גיוועזן אוועשער וואס ער פלעגט קומען אלע טאג פאר רבי. דעם טאג וואס רבי איז גישטארבין איז ער ניט גיקומען. וויא דער וועשער האט גיהערט וואס דער קול פון הימעל האט גיזאגט. איז ער ארויף גיגאנגען אויף דעם בוידים אונ האט זיך אראפ

סליק לאיגרא ונפל לארעא ומית יצתה בת קול ואמרה ף ההוא כובס מזומן לחיי העולם הבא:

ב שמעון בני חכם מאי קאמר ה"ק אע"פ ששמעון בני חכם גמליאל בני נשיא אמר לוי צריכא למימר אמר ר"ש בר רבי צריכא לך ולמטלטלתך מאי קשיא ליה הא קרא קאמר (דה"ב כא) ואת הממלכה נתן ליהורם כי הוא הבכור ההוא ממלא מקום אבותיו הוה ורבן גמליאל אינו ממלא מקום אבותיו הוה ורבי מאי טעמא עבד הכי נהי דאינו ממלא מקום אבותיו בחכמה ביראת חטא ממלא מקום אבותיו הוה. חנינא בר חמא ישב בראש לא קבל רבי חנינא שהיה ר' אפס גדול ממנו שתי שנים ומחצה יתיב ר' אפס ברישא ויתיב ר' חנינא אבראי ואתא לוי ויתיב גביה נח נפשיה דר' אפס ויתיב ר' חנינא ברישא ולא הוה ללוי איניש למיתב גביה וקאתא לבבל והיינו דאמרי ליה לרב גברא רבה אקלע לנהרדעא ומטיע ודריש כלילא שרי אמר ש"מ נח נפשיה דר' אפס ויתיב ר' חנינא ברישא ולא היה ליה ללוי אינש למיתב גביה וקאתי

וא"מא

צריכא למימר. בתמיה דרבן גמליאל דבכור הוא דלהוי נשיאה: לך ולמטלטלתך. פיסת הוא כלה צריכין בעלמא שי אהוי קידה ואסלע. מאי קשיא ליה. לר"ש ב"ר דאמר צריכא למימר אמאי צריכא הא קרא כתיב: ההוא ממלא מקום אבותיו הוה. כלו' אין באחיו הטוב ממנו אבל כאן שרי אחיו גדול ממנו: ויתיב ר' חנינא אבראי. חוץ לבית המדרש שלא היה נכנס לר' אפס: וקאתא. לוי לבבל: כלילא שרי. לצאת בה בשבת: מ"מ מאן דרכה לנפוק בכלילא אשה החשובה ואשה חשובה

געווארפן אויף דיא ערד אונ איז געשטארבן. איז ארויס געגאנגען א קול פון הימעל אונ האט געזאגט דער וועשער איז אויך אנגעברייט צו לעבן אויף יענע וועלט:

ב שמעון. רבי האט געזאגט מיין זוהן שמעון איז א חכם. צוא וואס האט ער דאס געזאגט. נאר אזוי האט רבי געזאגט. אפילו מיין זוהן שמעון איז א חכם. פון דעסטוועגן זאל מיין זוהן גמליאל זיין א נשיא. האט לוי געזאגט דאס האט רבי געדארפט זאגן? גמליאל איז דאך געווען עלטער פון שמעון. געוויס ווערט גמליאל זיין א נשיא. האט רבי שמעון בר רבי געזאגט צו לוי מען דארף דיך מיט דיין קוליע ווארום לוי איז געווען לאהם והינקעדיג אונ איז געגאנגען מיט א קוליע. רבי האט געדארפט זאגן אז גמליאל זאל זיין א נשיא. אבער אז ער וואלט ניט געזאגט וואלט ער ניט געווען א נשיא. פרעגט דיא גמרא פאר וואס וואלט גמליאל ניט געווען א נשיא. עס שטייט דאך אין פסוק יהושפט האט געגעבן דיא מלוכה צו יהורם וייל ער איז געווען דער בכור. ענטפערט דיא גמרא וייל יהורם איז געווען גלייך צו זיין פאטער יהושפט. אונ צווישען דיא ברידער איז ניט געווען קיין בעסערער וויא יהורם. דריבער האט מען אים געגעבן דיא מלוכה: אבער רבן גמליאל איז ניט געווען גלייך צו רבי. אונ דער ברודער איז געווען א גרעסערער חכם פאר אים דריבער וואלט מען אים ניט געמאכט פאר א נשיא. פרעגט דיא גמרא פאר וואס האט רבי טאקי געזאגט אז רבן גמליאל זאל זיין א נשיא. ענטפערט דיא גמרא אמת רבן גמליאל איז ניט געווען אזוי א חכם וויא רבי. אבער אין פרומקייט איז רבן גמליאל גלייך געווען צו רבי:

רבי האט געזאגט חנינא בר חמא זאל זיין א ראש ישיבה. רבי חנינא האט ניט געוואלט זיין א ראש ישיבה. וייל רבי אפס איז געווען עלטער פון רבי חנינא מיט צווייא אונ א האלב יאהר. איז רבי אפס געווארן א ראש ישיבה. אונ רבי חנינא איז געזעסן אויסער דעם בית המדרש: וייל עס האט ניט געפאסט פאר רבי חנינא ער זאל זיין א תלמיד ביי רבי אפס. איז געקומען לוי אונ איז געזעסן נעבן רבי חנינא. דער נאך איז רבי אפס געשטארבן. איז רבי חנינא געווארן א ראש ישיבה. האט לוי ניט געהאט נעבן יעמן צוא זיצען. איז ער געקומען אין בבל. דאס איז וואס מען הט געזאגט צוא רב א גרויסער תלמיד חכם איז געקומען אין נהרדעא אונ ער איז לאהם והינקעדיג. אונ ער האט געדרשת אז א אשה מעג ארויס גיין אום שבת מיט דעם צירונג וואס הייסט כלילא. האט רב געזאגט איצט ווייס איך אז רבי אפס איז געשטארבן. אונ רבי חנינא איז געווארן א ראש ישיבה. האט ניט לוי געבן וועמען צוא זיצען. איז ער געקומען אהער.

ואימא ר' חנינא נח נפשיה ורבי אפס כדיתיב יתיב
ולא הוה ליה ללוי אינש למיתב גביה וקאתי אבע"א
לוי לר' אפס מיכף הוה כייף ליה ואבע"א כיון דאמר
רבי ר' חנינא בר חמא ישב בראש לאסגי דלא מליך
דכתיב בהו בצדיקים (איוב כב) ותגזר אומר ויקם לך
והא הוה ר' חייא נח נפשיה. והא"ר חייא אני ראיתי קברו של רבי והורדתי עליו דמעות
איפוך והא"ר חייא אותו היום שמת רבי בטלה קדושה איפוך והתניא כשחלה רבי נכנס
ר' חייא אצלו ומצאו שהוא בוכה א"ל רבי מפני מה אתה בוכה והתניא מת מתוך
שחוק סימן יפה לו מתוך הבכי סימן רע לו פניו למעלה סימן יפה לו פניו למטה סימן
רע לו פניו כלפי הכותל סימן רע לו פניו כלפי העם סימן יפה לו פניו ירוקין סימן רע לו
פניו צהובין ואדומים סימן יפה לו מת בערב שבת סימן יפה לו במוצאי שבת סימן
רע לו מת בערב יום הכפורים סימן רע לו במוצאי יום הכפורים סימן יפה לו מת

לא שלפי ומחזיק כפ' כמה אשה יולדת : מיכף הוה כייף ליה. קדם שגלה ממקומו אבל לר' הנינא כייף : והא הוה ר' חייא . ולמנייה רבי לראש ישיבה : קברו של רבי . אומו של רבי (הוריד) [הורדתי] עליו דמעות : בע"ש סימן יפה . שיכנס למנוחה מיד : במוצאי יום הכפורים . שמחלו עונותיו

פרעגט דיא גמרא טאמער איז רבי חנינא געשטארבן. אונ רבי אפס לעבט אונ איז נאך ווייטער
אראש ישיבה אזוי וויא ער איז געוועזן. האט ניט לוי געבין וועמען צוא זיצען. איז ער געקומען
אהער: ענטפערט דיא גמרא אויב דוא ווילסט וועל איך דיר זאגין אז רבי חנינא וואלט ניט
געלעבט וואלט לוי געזעסען ביי דער ישיבה פון רבי אפס אונ ער וואלט ניט געקומען אין בבל.
אונ אז דוא ווילסט וועל איך דיר זאגין וויא באלד רבי האט געזאגט חנינא בר חמא זאל זיין
צראש ישיבה. קען ניט זיין אז רבי חנינא איז געשטארבן אונ איז ניט געוועזן אראש ישיבה.
עס שטייט דאך אין פסוק ביי דיא צדיקים אזוי וויא דוא וועסט נוזר זיין וועט גאט מקיים זיין:
פרעגט דיא גמרא רבי חייא איז דאך געוועזן. פאר וואס האט רבי אים ניט געמאכט פאר אראש
ישיבה. ענטפערט דיא גמרא רבי חייא איז געשטארבן פריער וויא רבי. פרעגט דיא גמרא
מיר האבען דאך געלערנט רבי חייא האט געזאגט איך האב געזעהן דעם קבר פון רבי אונ האב
אויף אים געגאסען טרערין: זאגט דיא גמרא פאר קערט האט מען געלערנט. רבי האט געזאגט
איך האב געזעהן דעם קבר פון רבי חייא אונ האב אויף אים געגאסען טרערין: פרעגט די גמרא
מיר האבען דאך געלערנט רבי חייא האט געזאגט אין דעם טאג וואס רבי איז געשטארבן האבען
אויף געהערט צוא זיין הייליגע מענטשין ווארום רבי האט מען גערופען רבינו הקדוש. ועיין
בתוספות וריטב"או. זאגט דיא גמרא פאר קערט איז געוועזן: רבי האט אזוי געזאגט אויף רבי
חייא. דעם טאג וואס רבי חייא איז געשטארבען האבען אויף געהערט צוא זיין הייליגע מענטשין.
פרעגט דיא גמרא מיר האבין דאך געלערנט אז רבי איז קראנק געווארין איז רבי חייא אריין
געגאנגען צוא רבי. אונ ער האט געטראפען רבי וויינט. האט רבי חייא געזאגט רבי פאר וואס
וויינסטו. מיר האבען דאך געלערנט דער וואס שטארבט לאכענדיג איז אגוטער סימן צו אים:
דער וואס שטארבט וויינענדיג איז אשלעכטער סימן צוא אים. דער וואס שטארבט מיט דעם
פנים ארויף. איז אגוטער סימן צו אים. דער וואס שטארבט מיט דעם פנים אראפ: איז אשלעכטער
סימן צו אים. דער וואס שטארבט מיט דעם פנים צום וואנט. איז אשלעכטער סימן צו אים.
דער וואס שטארבט מיט דעם פנים צוא דיא מענטשין. איז אגוטער סימן פאר אים. דער
וואס זיין פנים איז גרין אונ געל ווען ער שטארבט. איז אשלעכטער סימן צוא אים. אונ דער
וואס זיין פנים איז פרייליך אונ רויט ווען ער שטארבט. איז אגוטער סימן צוא אים. דער
וואס שטארבט אום ערב שבת איז אגוטער סימן פאר אים. אונ דער וואס שטארבט
אום מוצאי שבת: איז אשלעכטער סימן צוא אים. אונ דער וואס שטארבט אום ערב יום כפור.
איז אשלעכטער סימן צו אים: ווייל ער איז געשטארבן מיט אלע עבירות: דער וואס שטארבט
דיא נאכט נאך יום כפור. איז אגוטער סימן צוא אים: ווייל פאר זיין שטארבין האט מען אים
מוחל געוועזן אלע עבירות. דער וואס שטארבט פון אגידערים קראנקייט. איז אגוטער סימן צו

בהולי מעים סימן יפה לו מפני שרובן של צדיקים מיתתן בהולי מעים א״ל אנא אתורה ומצות קא בכינא אבע״א איפוך ואבע״א [לעולם לא תיפוך] רבי חייא עסוק במצוה היה ור׳ סבר לא אפגריה :

ג והיינו דכי הוו כנצי ר׳ חנינא ור׳ חייא א״ל ר׳ חנינא לר׳ חייא בהדי דידי מנצית דאם ח״ו נשתכחה תורה מישראל מהדרנא לה מפלפולי א״ל ר׳ חייא אנא עבדי דלא לשתכח תורה מישראל דאייתינא כיתנא ושדיינא ומגדלנא נשבי וצײדנא טביא ומאכילנא בישרא ליתמי ואריכנא מגלתא ממשכי דטביי וסליקנא למתא דלית בה מקרי דרדקי וכתיבנא חמשה חומשי לחמשה ינוקי ומתנינא שתא סדרי לשתא ינוקי לכל חד וחד אמרי ליה אתני סדרך לחברך. והיינו דאמר רבי כמה גדולים מעשה חייא א״ל ר״ש בר רבי אפילו ממך אמר לו אין אמר לו רבי ישמעאל ברבי יוסי אפילו מאבא

אמר

וסי׳ יפה לו : לא אפגריה . לא אתבטלים ממלות : שדייא . זרעגא : ומגדלנא נשבי . מקלע אמי מכמורות ודומה לו אין פורסין נשבין ליונים : וצײדנא טביא . צביים : ואריכנא מגלתא . ומתקן אני קלפים הריכנא לשון תקון כדאמריק במסכת סוכה אריך הו לא אריך כלומר מתוקן או אינו מתוקן וכספר עזרא נמי כתיב ועריס מלגא

אים. װייל דאס מערסטע צדיקים שטארבין פון אגידערים קראנקייט. זייערע גידערים זאל ריין װערין פון צואה : זייא זאלין קומען מיט ארײנעם גוף אויף יענער װעלט. האט רבי גזאגט איך װיין ניט װאס איך שטארב. נאר איך װיין װאס איך װעל שוין מער ניט לערנען תורה אונ װעל שוין ניט טאהן קיין מצות : װעהן מיר דאך אז רבי איז גישטארבין פאר רבי חייא. ענטפערט דיא גמרא אויב דוא װילסט װעל איך דיר זאגין דוא זאלסט דאס אויך פאר קערין. רבי חייא איז קראנק גיװען אונ רבי איז גיקומען צוא רבי חייא אונ האט אים גיטראפין װײנען. אונ רבי האט גזאגט צוא רבי חייא דיא גאנצע זאך װאס דא שטייט : איז רבי חייא גישטארבין פר רבי. אונ אויב דוא װילסט װעל איך דיר זאגין דוא זאלסט ניט פאר קערין : אונ רבי איז גישטארבין פריער װיא רבי חייא. נאר פאר װאס האט רבי ניט גימאכט רבי חייא פאר אראש ישיבה : װייל רבי חייא פלעגט זיין בשעפטיגט צוא טאהן פיל מצות. האט רבי גיטראכט איך װיל אים ניט שטערין פון מצות. אז איך װעל אים מאכען פאר אראש ישיבה װעט ער זיין בשעפטיגט מיט דער ישיבה אונ װעט ניט קענען טאהן מצות :

ג והיינו : דס איז װס מיר האבען גילערונט אז רבי חנינא מיט רבי חייא פלעגין קריגען הט רבי חנינא גזאגט צוא רבי חייא מיט מיר קריגסטו. אויב חס ושלום דיא תורה װעט פאר געסין װערין פון דיא יודין װעל איך זיא צוריק אויף שטעלין מיט מיין שארפין שכל. האט רבי חייא גזאגט צוא רבי חנינא איך האב גימאכט אז דיא תורה זאל ניט פאר געסין װערין פון דיא יודין. איך האב גיבריינגט פלאקס אונ האב פארזייט. אונ פון דיא פלאקס האב איך גיפלאכטען נעצין. אונ מיט דיא נעצין האב איך גיפאנגען הירשען. אונ האב זייא גישאכטען אונ איך האב גיגעבין עסין דיא פלייש פון דיא הירשען צוא יתומים. אונ פון דיא פעל פון דיא הערשין האב איך גימאכט פארמעט. אונ איך בין גיגאנגען אין אשטאט װאס דארט איז ניטא קיין דרדקי מלמד. אונ איך האב געשריבען אויף דעם פארמעט פינף חומשים צו פינף קינדער. צוא איין קינד האב איך גיגעבין דעם ספר בראשית. צום אנדערין שמות. צום דריטען ויקרא. צום פערטין במדבר ; צום פינפטין דברים. אונ איך האב גילערונט זעקס סדרים משניות מיט זעקס קינדער. צוא יעדער קינד האב איך גילערונט אסדר משניות. אונ צוא יעדער קינד האב איך גזאגט לערין דיין ספר חומש אונ דיין סדר משניות מיט דיין חבר. װעלין אלע קינדער פון שטאט קענען גאנץ חומש אונ גאנץ משניות. דאס איז װאס רבי הט גזאגט װיא גרויס זענען דיא מעשים פון חייא ; האט רבי שמעון דער זוהן פון רבי גזאגט צו רבי דיא מעשים פון רבי חייא זענען גרעסער אפילו פון דיינע מעשים. האט רבי גזאגט יא אפילו פון מיינע מעשים. האט רבי ישמעאל דער זוהן פון רבי יוסי גזאגט צוא רבי דיא

אמר לו רם ושלום לא תהא כזאת בישראל אמר להם לבני קטן אני צריך נכנס ר"ש אצלו מסר לו סדרי חכמה אמר להם לבני גדול אני צריך נכנס ר"ג אצלו ומסר לו סדרי נשיאות אמר לו נהוג נשיאותך ברמים זרוק מרה בתלמידים. איני והכתיב (תהלים טו) ואת יראי ה' יכבד ואמר מר זה יהושפט מלך יהודה כשהיה רואה ת"ח היה עומד מכסאו ומחבקו ומנשקו קורא לו רבי רבי מרי מרי לא קשיא הא בצנעא והא בפרהסיא תני רבי מוטל בצפורי ומקום מוכן לו בבית שערים והתניא (דברים טז) צדק צדק תרדוף הלך א"ר רבי לבית שערים רבי בבית שערים הוי אלא כיון דחלש אמטיוהו לצפורי דמדליא ובסים אוירא:

(דף קד) **ד ההוא** יומא דנח נפשיה דרבי גזרו רבנן תעניתא ובעו רחמי אמרי כל מאן דאמר נח נפשיה דרבי ידקר בחרב סליקא אמתיה דרבי לאיגרא אמרה עליונים מבקשים את רבי ותחתונים מבקשים את רבי יהי רצון שיכופו תחתונים את העליונים כיון

לא תהא נמי כזה נמהר : לא תהא כדבר הזה בישראל, כגו' שלא תאמר כדבר זה נשולם : נהוג נשיאותך ברמים. ביתא יושב בין הגדולים : זרוק מרה. אימה בהבת תוריק עליהם : בצנעא. מכבד כל אחד ואחד : בפרהסיא. מטיל עליהם אימה להודיע נשיאותו : רבי מוטל. בחליו בצפורי ומקום קברו מוכן לו בבית שערים : דמדליא. דאמרינן במגילה למה נקרא שמה צפורי שיושבת בראש ההר כצפור :

מעשים פון רבי חייא זענען גרעסער אפילו פון מיין פאטערס מעשים. האט רבי געזאגט חס ושלום אזעלכע רייד זאל גאר ניט גערעט ווערין צווישען יודין. ביין פאטערס מעשים זענען געוועזן גרעסער וויא דיא מעשים פון רבי חייא. דער נאך הט רבי געזאגט איך דארף מיין יונגסטען זוהן. איז רבי שמעון געגאנגען צוא רבי. האט רבי אים געזאגט דיא גרעכטע אונ דיא הויפט זאכען פון חכמה. דער נאך האט רבי געזאגט איך דארף מיין עלטערין זוהן. איז רבן גמליאל אריין געגאנגען צוא רבי. האט רבי אים געזאגט דיא גרעסטע אונ דיא הויפט זאכען פון נשיאות. אונ נאך האט רבי געזאגט צו רבן גמליאל פיר דיינע נשיאות מיט גרויסקייט. די זאלסט ווארפן אמורא אויף דיינע תלמידים. פרעגט דיא גמרא עס דארף דאך ניט אזוי זיין. ווארום עס שטייט אין פסוק צוא דיא מענטשין וואס האבען מורא פאר גאט האט ער געגעבין כבוד: דאס מיינט מען יהושפט דער מלך פון יהודה: אז ער הט געזעהן א תלמיד חכם איז ער אויף געשטאנען פון זיין שטוהל אונ האט אים ארוים גענומען אונ האט אים געקושט. אונ האט אים גערופען מיין רבי מיין רבי מיין הערר מיין הערר. זעהן מיר דאך אז מען דארף געבין כבוד צו א תלמיד חכם ניט ווארפען אויף אים אמורא: זאגט דיא גמרא עס איז ניט קיין קשיא. אין דער שטיל ווען דער נשיא טרעפט א תלמיד חכם. אדער א תלמיד חכם קומט צוא אים אהיים דארף אפילו דער נשיא אויך געבין כבוד צוא יעדער תלמיד חכם. גאר אז דער נשיא איז צווישען פיל מענטשין. דארף ער ווייזין זיין גרויסקייט אפילו אויף א תלמיד חכם אויך. מיר האבען געלערנט רבי איז געלעגין קראנק אין דיא שטאט צפורי. אונ א קבר איז פאר אים געוועזן אן געברייט אין דיא שטאט בית שערים. פרעגט דיא גמרא מיר האבען דאך געלערנט עס שטייט אין פסוק דוא זאלסט נאך יאגען גירעכטיגקייט. דוא זאלסט גיין האבען א דין תורה ביי רבי אין בית שערים. דארט וועט מען פסקנען אאמתין דין. זעהן מיר דאך אז רבי איז געזעסן אין בית שערים: ענטפערט דיא גמרא אזוי איז געוועזן פריער. האט רבי געוואוינט אין בית שערים. אז ער איז קראנק געווארין האט מען אים גיבראכט אין צפורי. ווייל צפורי איז אויף א בארג איז א פרישער לופט. אונ ער איז געשטארבין אין צפורי. האט מען אים געטראגין ביז אין בית שערים אונ דארט האט מען אים בגראבין:

ד ההוא. דער טאג וואס רבי איז געשטארבען. אין דער פריא איידער ער איז געשטארבען האבען דיא רבנן גוזר געוועזן אלע זאלין פאסטען אונ מען זאל מתפלל זיין רבי זאל לעבין: אונ דיא רבנן האבען געזאגט דער וואס וועט זאגין רבי איז געשטארבין זאל ער געשטאכען ווערין מיט א שווערד דיא דינסט פון רבי איז ארויף געגאנגען אויף דעם בוידים. אונ הט געזאגט

כיון דחזאי כמה זימני דעייל לבית הכסא וחלץ תפילין ומנח להו וקמצטער אמרה יהי רצון שיכופו עליונים את התחתונים ולא הוו שתקי רבנן מלמבעי רחמי שקלה כוזא שדיא מאיגרא אשתיקו [מרחמי] ונח נפשיה דרבי אמרו ליה רבנן לבר קפרא זיל עיין אזל אשכחיה דנח נפשיה קרעיה ללבושיה ואהדריה לקרעיה לאחוריה פתח ואמר אראלים ומצוקים אחזו בארון הקדש נצחו אראלים את המצוקים ונשבה ארון הקדש אמרו ליה נח נפשיה אמר להו אתון קאמריתון ואנא לא קאמינא. בשעת פטירתו של רבי זקף י' אצבעותיו כלפי מעלה אמר רבש"ע גלוי וידוע לפניך שיגעתי בעשר אצבעותי בתורה ולא נהניתי אפילו באצבע קטנה יר"מ שיהא שלום במנוחתי יצתה בת קול ואמרה (ישעיה נז) יבא שלום ינוחו על משכבותם על משכבך מיבעי' ליה מסייע ליה לר' חייא בר גמדא דא"ר חייא בר גמדא א"ר יוסי בן שאול בשעה שהצדיק נפטר מן העולם אומרים מלאכי השרת לפני הקב"ה רבש"ע צדיק [פלוני] בא אומר [להם] יבואו צדיקים ויצאו לקראתו [ואומרים לו

דעייל כמה זימנין לבית הכסא. דחולי מעים הוה ליה: וחלץ תפילין ומנח להו וקמצטער. לחלוץ ולהניח: פתח ואמר. הספד: אראלים ומצוקים. מלאכים וצדיקים מצוקי ארץ: ולא נהניתי. בעולם הזה אפילו לפי טורח שיגעתי באצבע קטנה שלי: יבאו צדיקים ויצאו לקראתו ויבא בשלום. ואחר כך

דיא מלאכים וויל'ען רבי זאל שטארבין אונ זיין נשמה זאל קומען צוא זייא. אונ דיא מענטשין פון דער וועלט וויל'ען רבי זאל לעבין אונ ער זאל זיין בייא זייא. זאל זיין דער וויל'ען פון גאט אז דיא אונטערשטע זאלין ניטין דיא אויבערשטע אז רבי זאל לעבין אונ זאל בלייבען אונטען. וויא זיא האט געזעהן וויא פיל מאהל רבי איז אריין גיגאנגען אין בית הכסא אונ ארויס גיגאנגען פון בית הכסא. אונ הט אום גטאן די תפלין אונ אן גטאן די תפלין. אונ ער הט פיל יסורים. הט זי גזאגט עס זאל זיין דער וויל'ען פון גאט דיא אויבערשטע זאלין ניטין דיא אונטערשטע אז רבי זאל שטארבין. דיא רבנן האבען אבער ניט געשוויגען זייא האבען נאר מתפלל גיוועזען רבי זאל לעבין. דריבער האט רבי ניט גיקענט שטארבען האט דיא דינסט גינומען א קריגעל אונ האט אים אראפ גיווארפען פון בוידים אויף דיא ערד. זענען דיא רבנן דער שראקין גיווארין פון דעם קלאפ. זענען זייא שטיל גיווארין. אונ האבען אויף גיהערט צוא בעטין. איז רבי גישטארבין. אונ דיא רבנן אין בית המדרש האבען נאך ניט גיוואוסט אז רבי איז גישטארבען. האבען דיא רבנן גזאגט צו בר קפרא. גייא זעה וואס טוהט רבי. איז בר קפרא גיגאנגען אונ ער האט גיפונען אז רבי איז גישטארבען. האט בר קפרא צוריסען זיינע קליידער. אונ ער האט איבגיקערט דיא צוריסענע זייט אויף אינטען. מען זאל ניט באלד דער זעהן אז רבי איז גישטארבען. אונ ער איז גקומען צוריק אין בית המדרש. אונ האט אן גיהויבען צוא זאגין דיא מלאכים אונ די צדיקים האבען גיהאלטען דעם ארון קודש. זענען דיא מלאכים גיוועזען שטארקער וויא דיא צדיקים. אונ זייא האבען גיפאנגען דעם ארון הקודש. האבען דיא רבנן גזאגט צו בר קפרא ער איז גישטארבען. האט בר קפרא צוא זייא גזאגט איר זאגט ער איז גישטארבען. אבער איך האב ניט גזאגט. איידער רבי איז גישטארבען האט ער אויף גיהויבען זיינע צעהן פינגער אין דער הייך. אונ האט גזאגט. רבונו של עולם דוא ווייסט דאך אז איך האב מיך גימאטערט מיט מיינע צעהן פינגער צו מקיים זיין דיא מצות פון דיא תורה. אונ איך האב ניט הנאה גיהאט פון דער וועלט אפילו וויא פיל עס איז ווערט גיווען דיא ארבעט פון מיין קליינעם פינגער. עס זאל זיין דער וויל'ען פון פאר דיר. עס זאל זיין פרידען אין מיין רוהונג. איז ארויס גיגאנגען אקול פון היממעל אונ האט גזאגט דעם פסוק יבא שלום ינוחו על משכבותם. ער זאל קומען מיט פרידען זייא זאלין רוהען אויף זייער גילעגער. פרעגט דיא גמרא עס דארף דאך שטיין דוא זאלסט רוהען אויף דיין גילעגער. נאר עס וועט זיין אבעווייזונג אזוי וויא רבי חייא בר גמדא האט גזאגט פון רבי יוסי בן שאולס וועגין. ווען דער צדיק גייט אוועק פון דער וועלט זאגין דיא מלאכים פאר גאט רבונו של עולם דער צדיק קומט. זאגט גאט צוא דיא מלאכים זאלין קומען דיא צדיקים

שהן מייקים על משכבותם : הולך נכוחו. נדרך ישרה :

[בתי דינין. של כ"ג : בתי כנסיות. להתפלל : בתי מדרשות. למשנה ולתלמוד : בתי סופרים. ללמוד תינוקות] : נוטלים שכרם . ומתפרנסים סימנו לפי שלא היו עוסקין במלאכתם : איסתרא.

לון יבא בשלום ינוחו על משכבותם א"ר אלעזר בשעה שהצדיק נפטר מן העולם ג' כתות של מלאכי השרת יוצאות לקראתו אחת אומרת לו בא בשלום ואחת אומרת הולך נכוחו ואחת אומרת לו יבא שלום ינוחו על משכבותם. ובשעה שהרשע נאבד מן העולם ג' כתות של מלאכי הבלה יוצאות לקראתו אחת אומרת (שם מח) אין שלום אמר ה' לרשעים ואחת אומרת לו (שם נ) למעצבה תשכבון ואחת אומרת לו (יחזקאל לב) רדה והשכבה את ערלים :

שני דייני גזירות פרק שלשה עשר

(דף קה) **א נאמר** ר' אושעיא שצ"ד בתי דינין היו בירושלים כנגדן בתי כנסיות וכנגדן בתי מדרשות וכנגדן בתי סופרים] אמר רב יהודה אמר רב אסי גוזרי גזירות שבירושלים היו נוטלים שכרם צ"ט מנה מתרומת הלשכה וכו'. קרנא הוה שקיל איסתרא מזכאי ואיסתרא מחייב ודאין להו דינא והיכי עביד הכי והא כתיב (שמות כג) ושחד לא

תקח

און זאלען גיין געגען דעם צדיק. אין זאלין זאגען צוא אים קום צוא אונז מיט פרידען. דער נאך זאלין דיא צדיקים גיין צוריק יעדער אויף זיין ארט און זאלען רוען אויף זייער גילעגער. רבי אלעזר זאגט ווען דער צדיק גייט אוועק פון דער וועלט גייען ארויס געגען אים דריי מחנות מלאכים. איינע זאגט צו אים קום מיט פרידען. און איינע זאגט צו אים ער זאל גיין אין גלייכען וועג. און איינע זאגט צו אים ער זאל קומען מיט פרידען דער נאך רוהען זיי אויף זייער גילעגער. און ווען דער רשע ווערט פאר לארין פון דער וועלט דריי מחנות מלאכי חבלה גייען ארויס געגין אים: איינע זאגט ניט שלום האט גאט גזאגט צוא דיא רשעים. און איינע זאגט צוא אים צוא טרויערקייט זאלט איר ליגען: און איינע זאגט צוא אים ניבער אין גרוב און ליג מיט דיא ניט גימלתע:

פרק שלשה עשר

א אמר. רבי אושעיא האט גזאגט דריי הונדערט פיר און נייינציג בית דין שטובין זענין גיוועזען אין ירושלים. און אין יעדער בית דין שטוב זענען גיוועזען דריי און צוואנציג דיינים. און דריי הונדערט פיר און נייינציג שוהלען צום דאווענען. און דרייא הונדערט פיר און נייינציג בתי מדרשים צום לערנען. און דריי הונדערט פיר און נייינציג חדרים וואס מען האט דארט גילערונט מיט קליינע קינדער. זענען גיוועזען אין ירושלים. רב יהודה האט גזאגט רב אסי זאגט די דיינים וואס זענען גיוועזען אין ירושלים זייא זאלען גוזר זיין גזרות. וועלכע זאכען מען טאר ניט טאהן אויסער דעם וואס דיא תורה האט גיאסרת פלעגין נעמען גיצאהלט ניין און נייינציג פונט אזאהר פון הקדש געלט זייא זאלען האבען פון וואנען צוא לעבין: קרנא אז פאר אים איז גיקומען אדין תורה. האט ער גינומען פסק געלט אטאלער פון דעם וואס איז גירעכט. און אטאלער פון דעם וואס איז אונגירעכט. און האט זיי גיפסקת דיא דין תורה. פרעגט דיא גמרא האט דען קרנא גימעגט אזוי טאהן. עס שטייט אין פסוק ושוחד לא תקח. מען זאל נישט נעמען קיין געלט פון דעם מענטש וום קומט האבען אדין תורה. טאמער וועט מען פאלש פסקנען. וועסטו אפשר וועלין זאגין ווייל קרנא האט גינומען געלט פון ביידע וועט ער ניט פאלש פסקנען. אז ער וועט אפילו ניט פאלש פסקנען טאר מען אויך ניט נעמען קיין געלט פון דעם מענטש וואס קומט האבען אדין תורה. ווארום מיר האבין גילערונט עס שטייט אין פסוק ושוחד לא תקח. מען זאל נישט נעמען קיין געלט פון דעם מענטש וום קומט האבין אדין תורה. וואס מיינט דער פסוק. אויב

תקח [וכ"ת כיון דשקיל מתרווייהו לא אתי לאצלויי דינא וכי לא אתי לאצלויי דינא מי שרי והתניא ושוחד לא תקח מה ת"ל אם ללמד שלא לזכות את החייב ולא לחייב את הזכאי הרי כבר נאמר (דברים טז) לא תטה משפט אלא אפילו לזכות את הזכאי ולחייב את החייב אמרה תורה ושחד לא תקח] וכו' ואסיקה דהוה שכר בטלה דמוכח כי הא דדב הונא כי הוה אתי דינא לקמיה אמר להו הבו לי גברא דדלי לי בחריקאי ואידן לכו דינא. א"ר אבהו בא וראה כמה סמויות עיניהם של מקבלי שחד אדם חש בעיניו נותן ממון לרופא ספק מתרפא ספק אינו מתרפא והם נוטלים שוה פרוטה ומסמין עיניהם שנאמר (שם) כי השחד יעור עיני חכמים. ת"ר כי השחד יעור עיני חכמים קל וחומר לטפשים (שם) ויסלף דברי צדיקים קל והומר לרשעים מידי טפשים ורשעים בני דינא נינהו אלא ה"ק כי השחד יעור עיני חכמים אפילו חכם גדול ולוקח שחד אינו נפטר מן העולם בלא סמיות הלב. ויסלף דברי צדיקים (ע"ב) אפילו צדיק גמור ולוקח שחד אינו נפטר מן העולם בלא טירוף הדעת. כי אתא רב דימי אמר דרש רב נחמן בר כהן מאי דכתיב (משלי כט) מלך במשפט יעמיד ארץ ואיש תרומות יהרסנה. אם דומה דיין למלך שאינו צריך לכלום יעמיד ארץ ואם דומה לכהן שמחזר על הגרנות יהרסנה

סלע: הבו לי גברא דדלי. מיא משקה שדותי: בחריקאי. במקומי. חריקאי אומר אני שהוא לשון פגם כמו קרנים חרוקות דשחיטת חולין כלו' שאני מסתלק ונפגם מקומי: אינו נפטר מן העולם. וה"ק ק"ו שיסמא את עיניו (כשהיה) [כשיהא] טפש בסופו וישב לדין: שאינו צריך לכלום. שהוא

דער פסוק מיינט דער דיין זאל נישט נעמען קיין געלט, ער זאל גירעכט מאכען דעם וואס איז אומגירעכט. אונ ער זאל אומגירעכט מאכען דעם וואס איז גירעכט. שטייט דאך שוין אין פסוק דו זאלכט ניט פאלש פסקנ'ן. נאר אפילו ער מיינט גירעכט צוא מאכען דעם וואס איז גירעכט. אונ אומגירעכט צו מאכען דעם וואס איז אומגירעכט. פון דעסטוועגין האט דיא תורה גזאגט מען טאר ניט נעמען קיין שוחד דער דיין טאר ניט נעמען געלט. ענטפערט דיא גמרא קרנא האט גנומען געלט ווייל מען האט אים גישטערט דיא צייט. ער האט ניט גיקענט גיין אין גאס פאר דינגען, אז צווייא מענטשין פלעגין קומען האבען אדין תורה פאר רב הונא. פלעגט רב הונא צו זייא זאגין גיט מיר אמענטשין וואס זאל שעפין וואסער אונ אן טרינקען מיינע פעלדער. אויף מיין ארט: וועל איך אייך פסקנ'ן דיא דין תורה. רבי אבהו האט גזאגט קום זעה וויא פאר בלענדט ווערען דיא אויגען פון דיא דיינים וואס נעמען שוחד. אמענטש וואס זיינע אויגען זענען אים טונקעל גיט ער געלט צוא אדאקטאר: אונ ער ווייס נאך ניט אויב ער וועט גיהיילט ווערין אדער ניין. אונ דיא דיינים נעמען אפרוטה (אביסול געלט) אונ מאכען בלינד זייערע אוגין: אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דער שוחד מאכט בלינד דיא אוגין פון דיא חכמים: דיא רבנן האבען גילערנט עס שטייט אין פסוק דער שוחד מאכט בלינד דיא אויגין פון דיא קלוגע: ווערין דאך דיא אויגין פון דיא נארין געוויס בלינד. אין פסוק שטייט דער שוחד פאר קרימט דיא רייד פון דיא צדיקים. ווערין דאך דיא רייד פון דיא רשעים געוויס פאר קרימט. פרעגט דיא גמרא זענין דען נארין אונ רשעים דיינים. נאר אזוי מיינט דער פסוק דער שוחד מאכט בלינד דיא אויגין פון דיא קלוגע. אפילו ער איז אגרויסער חכם אויב ער האט נאר גינומען שוחד. וועט ער ניט אוועק גיין פון דער וועלט ביז דאס הארץ וועט אים בלינד ווערין. דאס מיינט מען ער וועט פאר געסין זיין לערנען אונ וועט ווערין נאריש. אונ דער שוחד פאר קרימט דיא רייד פון דיא גירעכטע. אפילו ער איז אגרויסער צדיק אונ ער נעמט שוחד. וועט ער ניט אוועק גיין פון דער וועלט ביז זיין פאר שטאנד וועט אים פאר מישט ווערין. אז רב דימי איז גיקומען האט ער גזאגט רב נחמן בר כהן האט גידרשת עס שטייט אין פסוק מלך במשפט יעמיד ארץ ואיש תרומות יהרסנה. אויב דער דיין איז גלייך צוא אמלך. ער איז רייך אונ ער דארף ניט נעמען ביי קיינעם. וועט ער אויף שטעלין דיא מענטשין פון דער וועלט. ווייל ער וועט פסקנ'ן ערליכע דינים.

עשיר אין צריך להחניף: דשאיל שאלתא. דרגיל לשאול מבני עירו בהמות וכלים: מ"ט דשוחדא. נוטה לבו ליטלו לזכות הזכאי: אין אדם רואה חובה לעצמו. אין דעתו מתקרבת כנגד החובה לחייב את עצמו ואפי' מתכוין לדין אמת: שהוא חד. הנותן והמקבל נעשים לב אחד:

יהרסנה אמר רבה בר רב שילא האי דיינא דשאיל שאלתא פסול למידן דינא ולא אמרן אלא דלית ליה לאושולי אבל אית ליה לאושולי לית לן בה אמר רבא מ"ט דשוחדא כיון דמשקל שחד מיניה אקרבה דעתיה לגביה והוי כגופיה ואין אדם רואה חובה לעצמו מאי שחד שהוא חד. אמר רב פפא לא לידון איניש דינא למאן דרחים ליה ולא למאן דסני ליה דרחים ליה לא חזי ליה חובה דסני ליה לא חזי ליה זכות. אמר אביי האי צורבא מרבנן דמרחמין ליה בני מאתיה לאו משום דמעלי טפי אלא משום דלא מוכח להו במילי דשמיא. [אמר רבא מריש הוה אמינא הני בני מחוזא כולהו רחמין לי כיון דהואי דיינא אמינא מינייהו סנו לי ומינייהו רחמו לי כיון דחזאי דמאן דמיחייב ליה האידנא קא זכי למחר אמינא אי מרחם כולהו רחמו לי אי מסנו כולהו סנו לין]:

ב ת"ר (שמות כג) ושחד לא תקח אין צריך לומר שחד ממון אלא אפי' שחד דברים נמי אסור מדלא

אונ אויב דער דיין איז גלייך צוא אכהן וואס ער גייט ארום אין דיא שייערין נעמען תרומה. אזוי גייט דער דיין נעמען נדבות פון מענטשין. דער וועט צוא ווארפען דעם בעשטאנד פון דער וועלט. ווארום ער וועט פסקנן פאלשע דינים פאר געלט. וואס מען האט אים גיגעבין. אדער וואס מען וועט אים געבין: רבה בר רב שילא הט גזאגט דער דיין וואס בארגט געוועט אדער אנדערע זאכען פון זיינע שטאט מענטשין. טאר ער נישט פסקנן קיין דין תורה. ווארום ער וועט גוטים חנפנן דיא מענטשין וואס ער בארגט בייא זייא. וועט ער פאלש פסקנן. דאס איז נאר אז דער דיין האט ניט צוא פאר בארגין. אבער אז דער דיין האט צוא פאר בארגין. מעג ער פסקנן דין תורות. ווארום ער דארף ניט קיינעם חנפנן. ער דארף ביי יענם אטובה. יענער דארף זיין טובה. רבא זאגט פאר וואס טאר מען ניט נעמען שוחד צוא פסקנן אאמתין דין. ווארום ווי באלד דער דיין האט עפעס גינומען פון דעם מענטשין. איז ער שוין צו גיבונדין צוא דעם מענטש. אונ זייא זענען גלייך ביידע וויא איין מענטש. אונ אזוי וויא ער קען זיך ניט שולדיג מאכען. אזו קען ער דעם מענטשין אויך ניט שולדיג מאכען. וועט ער שוין לערנען פאלשע דינים נאר ער זאל אים גירעכט מאכען. וואס איז דער ווארט שחד. שהוא חד. דער וואס גיט געלט צום דיין. ווערט ער מיט דעם דיין איינס. רב פפא זאגט אדיין זאל ניט פסקנן אדין תורה צו דעם מענטש וואס ער האט אים ליב. אונ ניט צוא דעם מענטש וואס ער האט אים פיינט: ווארום דעם מענטש וואס ער האט ליב וועט ער ניט קענען בשולדיגען. אונ דעם מענטש וואס ער האט פיינט וועט ער ניט קענען גירעכט מאכען. אביי זאגט דער תלמיד חכם וואס דיא מענטשין פון זיין שטאט האבען אים ליב: איז ניט ווייל ער איז אזוי גוט. נאר ווייל ער שטראפט זייא ניט זאלין זיין פרום. רבא זאגט אין אנהייב האב איך גימיינט אז אלע מענטשין פון דיא שטאט מחוזא האבען מיך ליב. וויא איך בין גיווארין אדיין האב איך גמיינט אנדערע האבען מיך פיינט. אונ אנדערע האבען מיך ליב: דיא וואס איך האב גירעכט גימאכט האבען מיך ליב. אונ דיא וואס איך האב אומגירעכט גימאכט האבען מיך פיינט. וויא איך האב גיזעהן אז דער מענטש וואס האט היינט פאר מיר גיהאט אדין תורה אונ איך האב אים אומגירעכט גימאכט. האט ער מארגין גיהאט נאך אמאהל פאר מיר אדין תורה מיט איין אנדער מענטש אונ איך האב אים גירעכט גימאכט. [אונ פאר קערט דער מענטש וואס הט היינט פאר מיר גיהאט אדין תורה אונ איך האב אים גירעכט גימאכט. האט ער מארגין גיהאט נאך אמאהל פר מיר אדין תורה מיט איין אנדער מענטש אונ איך האב אים אומגירעכט גימאכט]. האב איך גזאגט אדער אלע האבין מיך ליב אדער אלע האבין מיך פיינט:

ב תנו רבנן: די רבנן האבין גילערנט עס שטייט אין פסוק דוא זאלסט ניט נעמען קיין

מרלא כתיב בצע לא תקח היכי דמי שחד דברים כי הא דשמואל הוה עבר במברא אתא ההוא גברא יהיב ליה ידיה א"ל מאי עבידתך א"ל דינא אית לי א"ל פסילנא לך לדינא. אמימר הוה יתיב וקא דאין דינא פרח גדפא ארישיה אתא ההוא גברא שקליה א"ל מאי עבידתיך וכו'. **מר עיקבא** הוה שדי רוקא קמיה אתא ההוא גברא כסייה א"ל מאי עבידתיך וכו'. **רבי ישמעאל בר' יוסי** היה רגיל אריסיה דהוה מייתי ליה כל מעלי שבתא כנתא דפירי יומא חד אייתי ליה בה' בשבתא א"ל מאי שנא האידנא א"ל דינא אית לי ואמינא אגב ארחאי אייתי ליה למר לא קביל מיניה א"ל פסילנא לך לדינא אותיב זוזא דרבנן וקא דיינין ליה בהדי דקא אזיל ואתי אמר אי בעי טעין הכי ואי בעי טעין הכי אמר תיפח נפשם של מקבלי שוחד ומה אני שלא נטלתי ואם נטלתי שלי נטלתי כך מקבלי שחד עאכ"ו. ר' ישמעאל
בן

במברא. בספינה: יהב ליה ידא. לסמכו: כנתא דפירי. סל פירות מפרדס של ר' ישמעאל: זוזא. זוג: בהדי דאזיל ואתי. בכל אשר הולך ובא היה לבו לזכותו של אותו אריס ובאין לו ספרי זכיות ואמר בלבו הלואי ויטעון כך וכך ויזכה בדין:

שוחד. מיינט מען נית נאר געלט טאר דער דיין נית נעמען. נאר אפילו שוחד פון רייד טאר ער אויך נית נעמען. ווייל עס שטייט נית געלט זאלסט נית נעמען. נאר עס שטייט שוחד זאלסט דוא נית נעמען. וואס דער שוחד איז. אפילו רייד. טאר מען אלין נית נעמען. וואס איז שוחד פון רייד. אזוי וויא שמואל איז אמאהל געגאנגען אויף א בריק איז געקומען א מענטש און האט געגעבין דיא האנט צו שמואל ער זאל זיך אן לענין אויף איהם. האט שמואל געזאגט צו דעם מענטש וואס איז דיין טאהן. האט דער מענטש געזאגט איך בארף מיט אייניגעם א דין תורה צוא האבין. האט שמואל געזאגט איך בין פסול צוא דיין דין תורה. ווייל דוא האסט מיר געגעבין די האנט איך זאל מיך אן לענען דאס הייסט שוין שוחד. אמימר איז געזעסין און האט געקלערט א דין תורה. איז ארויף געפלויגין א עוף אויף זיין קאפ: איז געקומען א מענטש און האט אראפ גענומען דעם עוף. האט אמימר געזאגט צו דעם מענטש וואס איז דיין טאהן. האט דער מענטש געזאגט איך בארף מיט אייניגעם א דין תורה צו האבין: האט אמימר געזאגט איך בין פסול צו דיין דין תורה: ווארום וואס דוא האסט אראפ גענומען דעם עוף פון מיין קאפ: דאס הייסט שוחד. אויף דעם ארט וואו מר עוקבא איז געזעסין איז געבין איהם געוועהן שפייאכץ אויף די ערד. איז געקומען א מענטש און האט בדעקט דיא שפייאכץ. האט מר עוקבא געזאגט צוא דעם מענטש וואס איז דיין טאהן. האט דער מענטש געזאגט איך בארף מיט אייניגעם א דין תורה צו האבין. האט מר עוקבא געזאגט איך בין פסול צוא דיין דין תורה. ווארום וואס דוא האסט בדעקט דיא שפייאכץ. דאס הייסט שוחד. רבי ישמעאל ברבי יוסי האט געהאט א אריס (א מענטש וואס האט געארבעט אין זיינע פעלדער): אלע ערב שבת פלעגט דער אריס ברענגען צוא רבי ישמעאל א קארב מיט פירות. אמאהל האט דער אריס געבראכט די פירות דאנערשטאג. האט רבי ישמעאל געזאגט צום אריס פאר וואס האסטו היינט געבראכט די פירות און האסט נית געווארט ביז פרייטיג: האט דער אריס געזאגט איך דארף היינט האבין א דין תורה. האב איך געטראכט אין איין וועג וועל איך שוין מיט ברענגען דיא פירות אויך. האט רבי ישמעאל נית צוא גענומען דיא פירות: און ער האט געזאגט צום אריס איך בין פסול צו זיין דיין דין. האט רבי ישמעאל געזעצט צוויא רבנים: זייא זאלין קלערין דיין דין תורה. וויא רבי ישמעאל איז גאר געגאנגען איז איהם געלעגין אין די געדאנקען די דין תורה פון דעם אריס. און ער האט אלץ געטראכט דער אריס זאל געווינען די דין תורה. און ער האט געזאגט הלואי זאל ער אזוי טענין און הלואי זאל ער אזוי טענין. האט רבי ישמעאל געזאגט פארפליכט זאלין ווערין דיא דיינים וואס נעמען שוחד: מאראך איך וואס איך האב קיין שוחד נית גענומען. און אז איך וואלט גענומען דעם קארב פירות. איז ער דאך מיינער: פון דעסטוועגין וואלט איך נאר גערין מיין אריס זאל געווינען. דער וואס נעמט שוחד וויל געוויס נאר אז דער וואס האט אים געגעבין זאל געווינען. אמענטש האט אמאהל געבראכט צוא רבי

ואלפים סגו. בכל שנה שבוע אותן חייב ליתן לכהן אחד משמים :
גילוי דבי גילי. תניא קצנים: וכי אלישע אוכל בכורים הוה. והלא לא היה כהן אלא בדכ"י שנתייחס אביו על שבט גד דכתיב דיתני ושפט בבשן ותלינו במס' פסחים כאלו דברים דשפט דהאי קרא אביו של אלישע : ש"מ קריביה הוא. נבכי פסיל ליה לדינא: האי עשה והאי עשה. קאים כדייניה עשה ופסקינן פ"ק : יתמי דכבוד תורה. דינא דהאי גברא דהוא עשה דאיכא כבוד תורה דרב ענן נכדיה עדיף :

בן אלישע אייתי ליה ההוא גברא ראשית הגז א"ל מהיכא את אמר ליה מדוך פלן ומהתם להכא לא הוה כהן למיתבא ליה א"ל דינא אית לי וכו' כדלעיל :
ג רב ענן אייתי ליה ההוא גברא כנתא דגילדני דבי גילי א"ל מאי עבידתיך א"ל דינא אית לי לא קביל מניה א"ל פסילנא לך לדינא א"ל דיניה דמר לא בעינא קבולי לקביל מר דלא למנען מר מאקרובי בכורים דתניא (מ"ב ד) ואיש בא מבעל שלשה ויבא לאיש האלהים לחם בכורים עשרים לחם [שעורים] וכרמל בצקלונו וכי אלישע אוכל בכורים הוה אלא לומר לך כל המביא דורון לת"ח כאלו מקריב בכורים א"ל קבולי לא בעינא דאקביל השתא דאמרת לי טעמא מקבלינן שדריה לקמיה דרב נחמן שלח ליה נידייניה מר להאי גברא דאנא ענן פסילנא ליה לדינא אמר מדשלח לי הכי ש"מ קריביה הוא הוה קאים דינא דיתמי קמיה אמר (דף קו) האי עשה והאי עשה דכבוד תורה עדיף סלקינהו לדינא דיתמי ואחתיה לדיניה כיון דחזא בעל דיניה יקרא דקא עביד ליה איסתתם

ישמעאל בן אלישע דיא ערשטע ביכול וואל וואס ער האט אפ גישוירין פון זיינע שעפסין וואס דארף מען געבין צום כהן אונ רבי ישמעאל בן אלישע איז גיוועזן אכהן. האט רבי ישמעאל גזאגט צו דעם מענטש פון וועלכין ארט ביסטו. האט דער מענטש גזאגט איך בין פון דעם ארט. האט רבי ישמעאל צו אים גיזאגט פון דיין ארט ביז צו מיר האסטו ניט גיהאט קיין אנדער כהן וועמען צו געבין דיא וואל. האט דער מענטש גזאגט איך דארף האבין אדין תורה. האט רבי ישמעאל גזאגט איצט בין איך פסול צו זיין אדיין בייא דיין דין תורה :
ג רב. אמענטש האט גיבראכט צו רב ענן אקארב מיט קליינע פישלאך. האט רב ענן געזאגט צו דעס מענטש וואס איז דיין טאהן ביי מיר. האט דער מענטש גזאגט צו רב ענן איך דארף האבין אדין תורה. האט רב ענן ניט צו גינומען די פישלאך. אונ ער האט גזאגט צו אים איך בין פסול צו זיין אדיין ביי דיין דין תורה. האט דער מענטש גזאגט צו רב ענן דיין דין דארף איך ניט ואיך וועל האבין מיין דין תורה ביי איין אנדערין. זאל דער רבי געמען דיא פישלאך. זאל דער רבי מיך ניט פר מיידין פון צו מקריב זיין בכורים. ווארום מיר האבין גילערנט עס שטייט אין פסוק אמענטש איז גיקומען פון בעל שלשה אונ ער האט גיבריינגט צום געטליכען מאן (צו אלישע הנביא) ברויט פון ערשט צייטיגע תבואה צוואנציג ברויט פון גערשטין מעהל. אונ געטריקנטע זאנגען האט ער גיבריינגט אין זיין טארבע. איז דאך אקשיא האט דען אלישע הנביא גיגעסין בכורים. ער איז דאך ניט גיוועזן קיין כהן. נאר דער וואס ברייננט אמתנה צו אתלמיד חכם איז גלייך וויא ער וואלט מקריב גיוועזן בכורים. האט רב ענן גזאגט צו דעם מענטש איך האב ניט גיוואלט נעמין ביי דיר דיא פישלאך נאר איצט אז דו האסט מיר גזאגט אטעם פאר וואס איך זאל נעמען. וועל איך זייא נעמען. האט רב ענן גזאגט צוא דעם מענטש גיי האב אדין תורה ביי רב נחמן. האט רב ענן געשיקט צו רב נחמן איך בעט דיך דוא זאלסט אן נעמען דיא דין תורה פון דעם מענטש: ווארום איך ענן בין פסול צו זיין אדיין ביי זיין דין תורה. האט רב נחמן גזאגט אז ענן האט צו מיר אזוי געשיקט מוז דער מענטש זיין זיינער אפריינד. איז גישטאנען פר רב נחמן אדין תורה פון יתומים. האט רב נחמן גזאגט עס איז אמצות עשה צוא משפטין אדין תורה. אונ עס איז אמצות עשה צו געבין כבוד אתלמיד חכם. איז בעסער צו טאהן פריער דיא מצות עשה פון כבוד התורה. וואס הייסט מען זאל געבין כבוד צום תלמיד חכם. צו רב ענן. מען זאל פריער פסקנן דיא דין תורה פון רב ענן'ס קרובו. האט רב נחמן גיהייסען דיא יתומים זאלין קומען שפעטער. אונ ער האט צוא

איסתתם טענתיה :

ד רב ענן הוה רגיל אליהו דאתי גביה דהוה מתני ליה סדרא דאליהו כיון דעבד הכי איסתלק **אותיב** בתעניתא ובעי רחמי ואתא כי אתא הוה מיבעית ליה בעותיה ועביר תיבותא (ואגחיה) ויתיב קמיה עד דאפיק ליה סדריה והיינו דאמרינן סדר אליהו רבה סדר אליהו זוטא :

ה בשני דרב יוסף הוה ריתחא א"ל רבנן לרב יוסף ליבעי מר רחמי אמר להו השתא ומה אלישע דכי הוו רבנן מיפטרי מקמיה הוו פיישי תרי אלפין ומאתן רבנן בעידן ריתחא לא הוה בעי רחמי אנא אבעי רחמי וממאי דפיישי הכי דכתיב (מ"ב ד) ויאמר משרתו מה אתן זה לפני מאה איש מאי לפני מאה איש אילימא דכולהו לפני מאה איש בשני בצורת טובא הוו אלא לאו דכל חד והד קמי מאה איש . כי הוו מפטרי רבנן מבי רב הוו פיישי אלפא ומאתן רבנן. מבי רב הונא הוו פיישי תמני מאה רבנן. רב הונא הוה

סדר אליהו רבה : שלמד הוץ נתיבה : סדר אליהו זוטא. שלמד בתוך התיבה :
הוה ריתחא. רעב של מקום וכא רעב לעולם :
דכי מפטרי. תלמידיו ממנו לעמוד מבהמ"ד :
הוו פיישי גביה. אוכלי שולחנו : תרי אלפי ומאתן.
דכתיב עשרים לחם ולחם בכורים הרי כ"א וכרמל הרי כ"ב וכל אחד לפני ק' איש הרי תרין אלפין

גירופען דיא דין תורה וואס רב ענן האט געשיקט. וויא דער אנדערער בעל דין האט געזעהן דעם כבוד וואס רב נחמן האט געגעבין דעם מענטשין . איז ער פאר מישט געווארין אונ האט ניט געוואוסט וואס צו טענען :

ד רבי אליהו הנביא פלעגט אלע מאהל קומען צו רב ענן . אונ ער האט מיט אים גילערונט דעם ספר אליהו . וויא רב ענן האט אזוי גיטאהן . איז אליהו הנביא אפ גיטאהן געווארין פון אים . האט רב ענן גיפאסט אונ האט מתפלל גיוועז . איז אליהו הנביא גיקומען ; ווען אליהו הנביא פלעגט קומען פלעגט ער דער שרעקין צוא רב ענן . האט רב ענן גימאכט א קאסטין אונ ער איז גיזעסין אין דיא קאסטין . אונ אליהו הנביא איז גיזעסין אויסוויינייג אונ האט מיט אים גילערונט . ביז ער האט מיט איהם אויס גילערונט דעם גאנצין ספר אליהו . דאס איז וואס מיר זאגין סדר אליהו רבה סדר אליהו זוטא . דאס וואס אליהו האט גילערונט מיט רב ענן איידער ער איז גיזעסין אין דעם קאסטין . הייסט אליהו רבה . אונ וואס אליהו האט גילערונט מיט רב ענן ווען רב ענן איז גיזעסין אין קאסטין . הייסט אליהו זוטא :

ה בשני . אין דיא יאהרין פון רב יוסף איז גיוועזן א כעס פון גאט אויף דער וועלט אונ עס איז גיוועזן אהונגער . האבין די רבנן גיזאגט צו רב יוסף זאל דער רבי מתפלל זיין . האט רב יוסף צו זייא גיזאגט מאדאך אלישע הנביא אז דיא רבנן (דיא תלמידים) זענען פון אים אוועק גיגאנגען איז נאך געבליבען צוויא טויזענד מיט צוויא הונדערט תלמידים וואס האבין גיגעסין ביא אלישע פון דעסטוועגין ווען גאט איז אין כעס גיוועזן אין זיין צייט אויף דיא וועלט אונ עס איז גיוועזן אהונגער . האט ער ניט מתפלל גיוועזן . זאל איך מתפלל זיין . זאגט דיא גמרא פון וואנען ווייסין מיר אז אזוי פיל תלמידים האבין גיגעסין ביא אלישע ; ווארום עס שטייט אין פסוק דער בעדינער פון אלישע האט גיזאגט וואס וועל איך דאס געבין פאר הונדערט מענטשין . וואס מיינט מען פאר הונדערט מענטשין ; זאל איך זאגין מען מיינט דיא צוואנציג גערשטין ברויט אונ דעם ברויט בכורים . אונ דעם ברויט פון כרמל . איז צוויא אונ צוואנציג ברויט . דאס זאל מען געבין פאר הונדערט מענטשין . האט דער בעדינער גיזאגט דאס איז ווייניג . אין אהונגער יאהר איז דאס נאך צוא פיהל . נאר אזוי מיינט מען יעדער ברויט פאר הונדערט מענטשין . אונ עס איז גיוועזן צוויא אונ צוואנציג ברויט ; איז דאך גיוועזן צוויא אונ צוואנציג הונדערט מענטשין . אז דיא תלמידים פלעגין אוועק גיין פון רב . פלעגט בלייבין טויזענד מיט צוויא הונדערט תלמידים וואס האבין גיגעסין ביא זיין טיש . אז דיא תלמידים פלעגין אוועק גיין פון רב הונא ; פלעגט בלייבין אכט הונדערט תלמידים

הוה דריש בתליסר אמוראי כי הוו קיימי רבנן ממתיבתא דרב הונא ונפצי גלימייהו הוה סליק אבקא וכסי ליה ליומא ואמרי במערבא קמו ליה ממתיבתא דרב הונא בבלאה. כי מפטרי רבנן מבי רבה ורב יוסף הוו פיישי ארבע מאה רבנן וקרו לנפשייהו יתמי כי הוו מפטרי רבנן מבי אביי ואמרי לה מבי רב פפא ואמרי לה מבי רב אשי הוו פיישי מאתן רבנן וקרו לנפשייהו יתמי דיתמי:

ואתו: בתליסר אמוראי. כשומעים מפיו ומשמיעים לרבים זה מתחיל וזה מכה; ומגפים ומלאחור ומתחלקים למקומות כנגה שהיה לעם רב: וכסי ליה ליומא. מאפיל את החמה והיה מכר בא"י: שמי וכח. [אפילו] לטובה: במרום הרים כרמו. שאין בידו ממון לקנות במקום טוב וקונה בראש ההר וכל זבלים שהוא מוליך לו מפל חב לכרמים שתחתיו:

(דף קי ע"ב) ו אמר שמואל שנוי וסת תחלת חולי מעים. כתוב בספר בן סירא (משלי טו) כל ימי עני רעים והא איכא שבתות וימים טובים כדשמואל דאמר שמואל שנוי וסת תחלת חולי מעים בן סירא אומר אף לילות. בשפל גגים גגו ובמרום הרים כרמו ממטר גגים לגגו ומעפר כרמו לכרמים:

ז ת"ר לעולם ידור אדם בארץ ישראל אפילו בעיר שרובה נכרים ואל ידור בחו"ל ואפילו בעיר שרובה ישראל שכל הדר בא"י דומה כמי שיש לו אלוה וכל הדר

וואס האבין גיגעסין ביא זיין טיש: ווען רב הונא האט גילערונט וועגען געבין איהם גישטאנען דרייצעהן מענטשין. וואס האבין גיהערט פון איהם וואס ער זאגט. אונ זייא וועגען גיזאנגען צווישען די תלמידים אויף דרייצעהן ערטער. יעדער אויף זיין ארט. ווארום די תלמידים וועגען אויך גיוועזען צו טיילט אויף דרייצעהן טיילן. אונ זייא האבין גילערונט מיט די תלמידים וואס זייא האבין גיהערט פון רב הונא. אז די תלמידים פון רב הונאס ישיבה פלעגין אויף שטיין פון לערנען אונ פלעגין שאקלען אפ די קליידער פון שטויב ווארום זייא וועגען גיזעסין אויף די ערד. פלעגט אויף גיין די שטויב אזוי הויך אז עס האט פינסטער גימאכט די זהן. אונ דאס האט מען דער קענט אין ארץ ישראל. פלעגט מען זאגין אין ארץ ישראל די תלמידים פון רב הונאס ישיבה וואס אין בבל וועגען אויף גישטאנען פון לערנען. אז די תלמידים פלעגין אוועק גיין פון רבה אונ רב יוסף. פלעגט בלייבין פיר הונדערט תלמידים וואס האבין גיגעסין ביא זיין טיש. האט רבה אונ רב יוסף גיזאגט אויף זיך מיר וועגען יתומים. אז די תלמידים פלעגין אוועק גיין פון אביי: אנדערע זאגין פון רב פפא. אנדערע זאגין פון רב אשי. פלעגט בלייבין צוויא הונדערט תלמידים וואס האבין גיגעסין ביא זיין טיש. האבין זייא גיזאגט אויף זיך מיר וועגען יתומים פון יתומים:

ו אמר. שמואל האט גיזאגט אז א מענטש ענדערט זיין גיוואהנהייט: אפילו צום פאר בעסערונג. הייבין אן קראנק צו ווערין זיינע גידערים. אין ספר בן סירא שטייט אלע טעג פון דעם ארעם מאן וועגען שלעכט: איז דאך א קשיא עס איז דאך דא שבת אונ יום טוב: עסט דאך דער ארעם מאן פיש פלייש אונ אנדערע גוטע עסין: נאר עס איז אזוי וויא שמואל האט גיזאגט: אז א מענטש ענדערט זיין גיוואהנהייט. אפילו צום פאר בעסערונג. הייבין אן קראנק צו ווערין זיינע גידערים: ווייל אנאנדערע וואך האט נישט דער ארעם מאן וואס צו עסין. אז עס קומט שבת אדער יום טוב אונ ער עסט יא. ווערט אים קראנק דער בויך. דריבער איז דעם ארעם מאן אייביג שלעכט. בן סירא זאגט אפילו ביא נאכט איז אויך שלעכט דעם ארעם מאן: דער נידעריגסטער דאך איז זיינער: אויף דעם גרעסטין בארג איז זיין ווייגארטין דער רעגין פון אלע העכער גיסט אויף זיין דאך. אז ער ברייגט מיסט אויף זיין ווייגארטין. פאלט אראפ די מיסט פון זיין ווייגארטין אויף אלע ווייגערטענער. אונ אויף זיין ווייגארטין בלייבט ווייניג:

ז תנו רבנן: די רבנן האבין גילערונט אייד זאל אייביג וואהנען אין ארץ ישראל. אפילו אין א שטאט וואס דארט וואהנען גוים מער ווי יודין: אונ ער זאל ניט וואהנען אין חוץ לארץ אפילו אין

הדר בחוץ לארץ דומה כמי שאין לו אלוה שנאמר (ויקרא כה) לתת לכם את ארץ כנען להיות לכם לאלהים וכי כל שאינו דר בארץ אין לו אלוה אלא לומר לך כל הדר בח״ל כאלו עובד ע״ז וכן בדוד הוא אומר (ש״א כו) כי גרשוני היום מהסתפח בנחלת ה׳ לאמר לך עבוד אלהים אחרים וכי מי א״ל לדוד לך עבוד אלה־ים אחרים אלא לומר לך כל הדר בחוץ לארץ כאלו עובד ע״ז:

(דף קי״א) רבי זירא הוה קא משתמיט מיניה דרב יהודה דבעי למיסק לא״י דאמר רב יהודה כל העולה מבבל לא״י עובר בעשה שנאמר (ירמיה כז) בבלה יובאו ושמה יהיו עד יום פקדי אותם נאם ה׳. ור׳ זירא ההוא בכלי שרת כתיב ורב יהודה כתיב קרא אחרינא (שה״ש ב) השבעתי אתכם בנות ירושלים בצבאות או באילות השדה וגו׳ ור׳ זירא ההוא שלא יעלו ישראל כחומה. ורב יהודה השבעתי אחרינא כתיב. ור׳ זירא ההוא מיבעי׳ ליה לכדרבי יוסי בר חנינא דאמר רבי יוסי בר חנינא שלש שבועות הללו למה אחת שלא יעלו ישראל כחומה ואחת שהשביע הקב״ה את ישראל שלא ימרדו באומות ואחת שהשביע הקדוש ברוך הוא את האומות שלא ישתעבדו בהן בישראל יותר מדאי

וכי מי אמר לו לדוד. כן אלא מפני שהיה צריך לברוח לצאת מארץ ישראל אל מלך מואב ואל אכיש:

דבעי. ר׳ זירא למיסק ורב יהודה מוחה ביה ולכך הוה מישתמיט מיניה: בכלי שרת כתיב. קרא דלעיל מיניה כתיבי כי כה אמר ה׳ צבאות אל העמודים ועל הים וגו׳: שלא יעלו בחומה. יחד ביד חזקה: אם תעירו ואם תעוררו.

אַשְׁטָאט וָואס דָארט וואוהנען יודען מֶער וויא גוֹיִם. וָוארום דֶער וָואס וואוהנט אין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל איז גְלַייךְ וויא עֶר הָאט אַגָאט. אונ דֶער וָואס וואוינט אין חוּץ לָאָרֶץ איז גְלַייךְ וויא עֶר הָאט נִיט קֵיין גָאט. אַזוי וויא עֶס שְׁטֵייט אין פָּסוּק צוא גֶעבֶּען צוּ אַייךְ דיא לַאנד כְּנַעַן צוא זַיין צוּ אַייךְ אַגָאט. פְרֶעגְט דיא גְמָרָא צוא דען אַלֶע וָואס וואוינען נִיט אין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל הָאבּען נִיט קֵיין גָאט. נָאר אַזוי מֵיינְט מֶען דֶער וָואס וואוינט אין חוּץ לָאָרֶץ איז גְלַייךְ וויא עֶר וָואלְט גֶעדִינְט עֲבוֹדָה זָרָה. דָוִד הַמֶלֶךְ הָאט אויךְ אַזוֹ גֶזָאגְט. זֵייא הָאבּען מִיךְ הַיינְט פַאר טְרִיבֶּען פון צוּ בַּהֶעפְטִין זִיךְ אין דיא נַחֲלָה פון גָאט וְאין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל. אונ זֵיי זָאגִין צוּ מִיר גֵיי דִין פְרֶעמְדֶע גֶעטֶער. וֶוער הָט דען גֶעזָאגְט צוּ דָוִד עֶר זָאל דִינֶען פְרֶעמְדֶע גֶעטֶער. נָאר דֶער וָוס וואוינְט אין חוּץ לָאָרֶץ איז גְלַייךְ וויא עֶר וָואלְט גֶעדִינְט עֲבוֹדָה זָרָה:

ר׳ רַבִּי זֵירָא פְלֶעגְט זִיךְ בֶּעהַאלְטִין פַר רַב יְהוּדָה. וָוארוּם רַבִּי זֵירָא הָאט גֶיוָואלְט גֵיין פון בָּבֶל אין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל. אונ רַב יְהוּדָה הָט גֶזָאגְט דֶער וָוס גֵייט פון בָּבֶל אין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל איז עֶר עוֹבֵר אויף אַמִצְוַת עֲשֵׂה. וָוארוּם עֶס שְׁטֵייט אין פָּסוּק אין בָּבֶל וֶועלִין זֵייא גִיבְּרַאכְט וֶוערִין אונ דָארְטִין זָאלִין זֵייא זַיין בִּיז דֶעם טָאג וָואס אִיךְ וֶועל אָן זֵייא גֶדֵיינְקִין אַזוי זָאגְט גָאט. אונ רַבִּי זֵירָא זָאגְט דֶער פָּסוּק מֵיינְט דיא כֵּלִים פון בֵּית הַמִקְדָּשׁ טָאר מֶען נִיט צוּרִיק בְּרֵיינְגֶען פון בָּבֶל אין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל בִּיז גָאט וֶועט הֵייסִין. אָבֶּער מֶענְטְשִׁין מֶעגִין גֵיין פון בָּבֶל אין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל וֶוען זֵייא וֶוילֶען. אונ רַב יְהוּדָה זָאגְט עֶס שְׁטֵייט נָאךְ אַפָּסוּק אִיךְ הָאבּ אַייךְ בַּשְׁוואוֹרִין אִיר טֶעכְטֶער פון יְרוּשָׁלַיִם בַּיי די הִירְשֶׁען אָדֶער בַּיי דיא הִינְדֶען פון פֶעלְד אַז אִיר זָאלְט נִיט דֶער וֶועקִין דיא לִיבְּשַׁאפְט אויף צוּ גֵיין אין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל בִּיז גָאט וֶועט וֶועלִין. אונ רַבִּי זֵירָא זָאגְט דֶר פָּסוּק מֵיינְט דיא יוּדִין זָאלִין נִיט אויף גֵיין אַזוי וויא אַמָאהֶער אַלֶע מִיט אַיין מָאהל מִיט כֹּחַ מִלְחָמָה צוא הַאלְטֶען אַיין צוא נֶעמֶען אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל. אָבֶּער אַיינְצֶעלְנֶע מֶענְטְשִׁין מֶעגִין גֵיין פון בָּבֶל אין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל וֶוען זֵייא וֶוילֶען. אונ רַב יְהוּדָה זָאגְט עֶס שְׁטֵייט אין פָּסוּק נָאךְ אַמָאהל אַשְׁבוּעָה. אֲפִילוּ אַיינְצֶעלְנֶע מֶענְטְשִׁין זָאלִין אויךְ נִיט גֵיין פון בָּבֶל אין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל. פְרֶעגְט דיא גְמָרָא עֶס שְׁטֵייט דָאךְ אין פָּסוּק נָאךְ אַמָאהל אַשְׁבוּעָה. וָואס טוּהְט רַבִּי זֵירָא מִיט דֶעם פָּסוּק. עֶנְפֶערְט דיא גְמָרָא רַבִּי זֵירָא דַרְשְׁת דֶעם פָּסוּק אַזוי וויא רַבִּי יוֹסֵי בַּר חֲנִינָא הָט גֶזָאגְט. צוּ וָואס הָט גָאט בַּשְׁוואוֹרִין דיא יוּדִין מִיט דְרַיי שְׁבוּעוֹת. אַיין שְׁבוּעָה איז דיא יוּדִין זָאלִין נִיט גֵיין אין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל נָאר דיא צַייט אַלֶע מִיט אַמָאהל אַזוי וויא אַמָאהֶער. אונ דיא אַנְדֶערֶע שְׁבוּעָה הָט גָאט בַּשְׁוואוֹרִין

מדאי. ורב יהודה (אמר) (שה"ש ג) אם תעירו ואם תעוררו כתיב ר' זירא מיבעי' ליה לכדר' לוי דאמר ו' שבועות הללו למה תלתא הני דאמרן ואינך שלא יגלו את הקץ ושלא ירחקו את הקץ ושלא יגלו הסוד לאוה"ע. (שם) בצבאות או באילות השדה אמר ר' אלעזר א"ל הקב"ה לישראל אם אתם מקיימים את השבועה מוטב ואם לאו אני מתיר את בשרכם כצבאות וכאילות השדה:

ג' שבועות בכל אחת: שלא יגלו את הקץ. נביאים שביניהם: שלא ירחקו את הקץ. בעונם. ל"א שלא ידחקו גרסינן לשון דוחק שלא ירבו בתחנונים על כך יותר מדאי: ושלא יגלו את הסוד. אמרי לה סוד העיבור. ואמרי לה סוד טעמי התורה: מתיר את בשרכם. לבון הפקר:

וכל יאמר שכן. (השוכן) הלירי כלו' לא יתרפס לומר גר לי כי כולם נשואי עון: אדמה של אדמה מזבח סמוס. מקרא כוא בנכולת עמוס:

ט א"ר אלעזר כל הדר בא"י שרוי בלא עון שנאמר (ישעיה לג) ובל יאמר שכן חליתי העם היושב בה נשוא עון. א"ל (רבינא) [רבא] לרב אשי אנן בסובלי חלאים מתנינן לה. אמר רב ענן כל הקבור בארץ ישראל כאלו קבור תחת המזבח כתיב הכא (שמות כ) מזבח אדמה תעשה לי וכתיב התם (דברים לב) וכפר אדמתו עמו. עולא הוה רגיל דהוה סליק לארץ ישראל נח נפשיה בחוץ לארץ אתו אמרו ליה לרבי אלעזר

דיא יודין זייא זאלין דינגען דעם מלך וואס זייא וועלין זיין אין זיין מדינה. אונ זייא זאלין ניט ווינדיגען געגין אים. אונ דיא דריטע שבועה איז וואס גאט האט בשווארין דיא פעלקער זיי זאלין ניט שווער ארבעטין מיט דיא יודין. אונ רב יהודה זאגט די דריי שבועות ווייסין מיר ווייל עס שטייט אין פסוק ביי יעדער שבועה צווייא מאהל דער ווארט דער וועקונג אם תעירו ואם תעוררו. אונ רבי זירא זאגט דיא טאפעלע ווערטער דארפין מיר אז"י ווי רבי לוי האט גזאגט זעקס שבועות האט גאט בשווארין. וואס זענין דיא זעקס שבועות. דריי אזוי וויא מיר האבין פריער גזאגט. אונ נאך דריי: איינס. דיא נביאים זאלין ניט אויס זאגין ווען עס וועט זיין דער סוף פון דעם גלות. אונ דיא אנדערע. שלא ירחקו את הקץ זייא זאלין ניט צו פיל זינדיגען ד"א גאולה זאל דארפין דער ווייטערט ווערין. (אדער פאר קערט מיינט מען שלא ידחקו את הקץ. זיי זאלין ניט צו פיל בעטין אז דיא גאולה זאל מוזין זיין פאר דיא צייט). דיא דריטע. דיא יודין זאלין ניט אויס זאגין די סודות פון דיא תורה צוא דיא פעלקער. גאט האט גזאגט איך בשווער אייך מיט דיא הירשען אדער מיט דיא הינדען פון פעלד. וואס איז דאס פאר אשבועה: האט רבי אלעזר גזאגט אזוי האט גאט גזאגט צוא דיא יודין. אויב איר וועט מקיים זיין דיא שבועות איז גוט. אונ אויב ניט וועל איך ערלויבין צוא דיא פעלקער זייא מעגין טאהן מיט אייער פלייש אזוי וויא זייא טוהען מיט דיא פלייש פון דיא הירשען אונ פון דיא הינדען וואס זענען אין פעלד:

ט אמר רבי אלעזר האט גזאגט דער וואס וואונט אין ארץ ישראל וואונט ער אן עבירות. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דער וואס רוהט אין ארץ ישראל וועט ניט זאגין איך בין קראנק. ווארום דם פאלק וואס וועט זיצען אין ירושלים וועט מען אים מוחל זיין זיינע עבירות. וועט ער ניט האבין פאר וואס קראנק צו זיין. רבא האט גזאגט צוא רב אשי מיר לערנען אז דער פסוק שטעסט פון דיא מענטשין וואס זענין קראנק. זאגט דער פסוק דער מענטש וואס רוהט אין ירושלים אונ איז קראנק. וועט ער ניט צערעגען אויף גאט פאר וואס ער איז קראנק. נאר ער וועט זאגין ווייל דאס פאלק וואס זיצט אין ירושלים דארף זיין אן עבירות דריבער איז ער קראנק עס זאל אים פאר געבין ווערין זיינע עבירות. רב ענן זאגט דער וואס איז בגראבין אין ארץ ישראל איז גלייך וויא ער וואלט גיוועזן בגראבין אונטער דעם מזבח. דא שטייט מזבח אדמה תעשה לי אמזבח פון ערד זאלסטו מאכען צוא מיר. אונ דארט שטייט וכפר אדמתו עמו. דיא ערד וועט פאר געבין דיא עבירות פון זיין פאלק. לערנען מיר אגזרה שוה אדמתו פון אדמה. אז דיא גאנצע ערד פון ארץ ישראל איז אזוי וויא דיא ערד פון מזבח. עולא איז גיוועזן גיוואונט

אלעזר אמר אנת עולא (עמוס ז) על אדמה טמאה תמות אמרו לו ארונו בא אמר להם אינו דומה קולטתו מחיים לקולטתו לאחר מיתה. ההוא גברא דנפלה ליה יבמה בי חוזאה אתא לקמיה דר' חנינא א"ל מהו למיחת וליבמה א"ל אחיו נשא כותית ומת ברוך המקום שהרגו והוא ירד אחריו. אמר רב יהודה אמר שמואל כשם שאסור לצאת מא"י לבבל כך אסור לצאת מבבל לשאר ארצות רבה ורב יוסף דאמרי תרווייהו אפילו מפומבדיתא לבי כובי. ההוא דנפק מפומבדיתא לבי כובי שמתיה רב יוסף. ההוא דנפק מפומבדיתא לאיסתוניא שכיב אמר אביי אי בעי האי בא מרבנן הוה חיי רבה ורב יוסף דאמרי תרווייהו כשרין שבבבל א"י קולטתן כשרין שבשאר ארצות בבל קולטתן למאי אילימא ליוחסין והאמר מר כל הארצות עיסה לארץ ישראל וארץ ישראל עיסה לבבל אלא לענין קבורה:

ארונו בא. לקברו בא"י: כך אסור לצאת מבבל. לפי שיש בה ישיבות שמרביצים תורה תמיד: ד"ה מפומבדיתא לבי כובי. לגור שם: א"י קולטתן. וכדמפרש: אילימא ליוחסין. שמוחזקים כשרים מא"י והא בבל מיוחסי טפי: דאמר מר. בפ' עשרה יוחסין כל הארצות הרי הן אצל בבל: כעיסה. המעורבת שאין מכיר בה מה בתוכה כך כל המשפחות בספק: אלא לענין קבורה. של בבל מוליכים ארונותיהם לקבר בא"י ושל שאר ארצות הרחוקים מא"י וקרובים לבבל קוברים בבבל שיש שם

אמר

צוא קומען עפטערס פון חוץ לארץ אין ארץ ישראל. אונ געשטארבען איז ער אין חוץ לארץ. איז מען געקומען צוא רבי אלעזר אונ מען האט אים געזאגט אז עולא איז געשטארבען אין חוץ לארץ. האט רבי אלעזר געזאגט דוא עולא זאלסט שטארבען אויף א טמא ערד. האט מען געזאגט צוא רבי אלעזר זיין קאסטען איז געקומען מען האט אים געבראכט אין ארץ ישראל צו בגראבען אים. האט רבי אלעזר געזאגט עס איז ניט גלייך אז ארץ ישראל נעמט אים צוא לעבעדיג. צו ווא נעמט אים צוא נאך זיין טויט. איינער האט געוואוינט אין ארץ ישראל אונ ער האט געהאט א ברודער אין חוץ לארץ אין חוזאה. אונ דער ברודער איז געשטארבען אן קינדער. האט ער געדארפט גיין אין חוזאה מיבם זיין דעם ברודערס ווייב. איז ער געקומען פאר רבי חנינא פרעגען אויב ער זאל גיין אין חוזאה חתונה האבען מיט זיין שוועגערין. האט רבי חנינא געזאגט זיין ברודער האט גענומען א גויה ווארום דער וואס וואוינט אין חוץ לארץ איז גלייך וויא ער וואלט געדינט עבודה זרה אונ ער איז געשטארבען. געלויבט איז גאט וואס ער האט אים געהרגעט. זאל ער אויך גיין אין חוץ לארץ. רב יהודה האט געזאגט פון שמואלס וועגען אזוי וויא מען טאר ניט ארויס גיין פון ארץ ישראל אין בבל. אזוי טאר מען ניט ארויס גיין פון בבל אין אנדערע לענדער וואס אין חוץ לארץ. רבה אונ רב יוסף זאגען ביידע אפילו פון פומבדיתא אין כובי טאר מען אויך ניט ארויס גיין. איינער איז אמאהל ארויס געגאנגען פון פומבדיתא אין כובי. האט רב יוסף אים מחרים געווען. איינער איז אמאהל ארויס געגאנגען פון פומבדיתא אין איסתוניא. אונ ער איז געשטארבען. האט אביי געזאגט ווען דער למדן וואלט וועלין וואוינען אין פומבדיתא וואלט ער געלעבט. נאר ווייל ער איז ארויס געגאנגען פון פומבדיתא דריבער איז ער געשטארבען. רבה אונ רב יוסף זאגען ביידע די פרומע פון בבל נעמט זייא ארץ ישראל צו. אונ דיא פרומע פון אנדערע לענדער נעמט זייא בבל צו. פרעגט דיא גמרא וואס מיינט מען. זאלין מיר זאגען מען מיינט געגען יחוס. אז דיא מענטשין פון ארץ ישראל געבען זייערע טעכטער פאר ווייבער צוא דיא פרומע פון בבל. דער תנא האט דאך געזאגט אלע לענדער זענען אזוי וויא טייג געגען ארץ ישראל. אונ ארץ ישראל איז אזוי וויא טייג געגען בבל. אזוי וויא טייג וואס איז געקנעטין אונ מען ווייס ניט וואס אינווייניג ליגט. אזוי זענין דיא מענטשין פון אלע לענדער צוא מישט. מען ווייס ניט וועלכע איז כשר. נאר ארץ ישראל איז ריינער וויא אלע לענדער. אונ געגען בבל הייסט ארץ ישראל אויך צוא מישט. ווארום דער יחוס פון בבל איז א געוויסער יחוס. וועלין דאך די פרומע מענטשין פון בבל ניט וועלין טאהן קיין שדוכים פון ארץ ישראל. נאר מען מיינט געגען בגראבען ווערין. דיא מתים פון בבל פירט מען צו בגראבען אין ארץ ישראל. אונ די מתים פון

פס זכות תורס : וקרו ליה . לימות המכיח : לעם עליה. על א"י : ההוא בנפלים כתיב . ולעולם בא"י : שבו לכם פה עם . עם שלמון עם : היש

י **אמר** רב יהודה כל הדר בבבל כאלו דר בארץ ישראל שנאמר (זכריה ב) הוי ציון המלטי יושבת בת בבל אמר אביי נקטינן בבל לא חזיא חבליה דמשיח תרגומא אהוצל דבנימין וקרו ליה קרנא דשיזבתא. א"ר אלעזר מתים שבח"ל אינם חיים שנא' (יחזקאל כו) ונתתי צבי בארץ חיים ארץ שצביוני בה מתיה חיים שאין צביוני בה אין מתיה חיים מתיב רבי אבא בר ממל (ישעיה כו) יחיו מתיך נבלתי יקומון מאי לאו יחיו מתיך מתים שבא"י נבלתי יקומון מתים שבח"ל ומאי ונתתי צבי בארץ חיים אנבוכדנצר ה"א דכתיב דאמר רחמנא מייתינא עלייהו מלכא דקליל כי טביא א"ל ר' מקרא אחר אני דורש (שם מב) נותן נשמה לעם עליה ורוח להולכים בה ואלא הא כתיב נבלתי יקומון ההוא בנפלים הוא דכתיב ור' אבא בר ממל האי נותן נשמה לעם עליה מאי עביד ליה מבעי' ליה לכדרבי אבהו דא"ר אבהו אפי' שפחה כנענית שבא"י מובטח לה שהיא בת העה"ב כתיב הכא לעם עליה וכתיב התם (בראשית כב) שבו לכם פה עם החמור עם

אנדערע לערער וואס זיי זענען נאנטער צו בבל אונ ווייטער צו ארץ ישראל. ברייננט מען די מתים צו בגראבין אין בבל:

י אמר. רב יהודה האט געזאגט דער וואס וואהנט אין בבל איז גלייך וויא ער וואהנט אין ארץ ישראל: אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ציון זאל אנטרינגען (אנטלויפען) אונ זיך באוועצין אין בבל. זעהן מיר אז בבל אונ ציון איז אלץ איינס. אביי זאגט מיר האבין געלערונט דיא וואס וואהנען אין בבל וועלין ניט זעהן דיא יסורים וואס עס וועט זיין ווען משיח וועט קומען נאר געשט דיא מענטשין פון גאנץ בבל. נאר דיא מענטשין פון דיא שטאט הוצל וואס איז אין חלק פון בנימין. נאר זייא אליין וועלין ניט זעהן דיא יסורים וואס עס וועט זיין ווען משיח וועט קומען. אונ דיא שטאט הוצל רופט מען קרנא דשיזבתא. דער ווינקעל וואס וועט פרייא ווערין פון דיא יסורים פון משיח. רבי אלעזר האט געזאגט דיא מתים וואס זענען בגראבין אין חוץ לארץ. וועלין ניט לעבעדיג ווערין. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ונתתי צבי בארץ חיים. דיא לאנד וואס איך גלוסט איר (דאס איז ארץ ישראל). אירע מתים וועלין לעבעדיג ווערין: אונ דיא לאנד וואס איך גלוסט איר ניט (דאס איז גאנץ חוץ לארץ). אירע מתים וועלין ניט לעבעדיג ווערין. האט רבי אבא בר ממל גיפרעגט עס שטייט אין פסוק דיינע טויטע וועלין לעבין. סיינע טויטע קערפערס וועלין אויף שטיין איז דאך טאפעלע ווערטער. נאר אזוי מיינט מען. דיינע טויטע וועלין לעבעדיג ווערין: דאס זענען דיא מתים פון ארץ ישראל. מיינע טויטע קערפערס וועלין אויף שטיין. דאס זענען דיא מתים פון חוץ לארץ. אונ וואס מיינט דער פסוק ונתתי צבי בארץ חיים. דאס מיינט מען נבוכדנצר. גאט האט גיזאגט איך וועל ברייננען אויף די ידין וואס וואהנען אין ארץ ישראל א מלך וואס ער איז אזוי גרינג וויא א הערש. האט רבי אלעזר געזאגט צו רבי אבא. רבי איך דארשע איין אנדער פסוק. ער גיט א נשמה צוא דעם פאלק וואס אויף איר (אויף ארץ ישראל). אונ עס גיט א לעבעדיקייט צוא דיא מענטשין וואס גייען אין איר (אין ארץ ישראל). ווערסטו פרעגין עס שטייט דאך אין פסוק מיינע טויטע קערפערס וועלין אויף שטיין. דאס מיינט מען דיא קינדער וואס ווערין געבארין פאר דיא צייט. וואס דיא מוטערס האבין זייא מפיל גיווען. זייא וועלין אויך אויף שטיין תחיית המתים. אבער נאר אין ארץ ישראל. פרעגט דיא גמרא וואס טוהט רבי אבא בר ממל מיט דעם פסוק ער גיט א נשמה צוא דעם פאלק וואס אויף איר (אויף ארץ ישראל). ענטפערט דיא גמרא רבי אבא דארף דעם פסוק אזוי וויא רבי אבהו האט גזאגט אפילו א גוישע דינסט וואס איז פאר קויפט צו א אידין אין ארץ ישראל. איז זיא פאר זיכערט אז זיא וועט האבין עולם הבא. וואר"ם דא שטייט גאט גיט א נשמה לעם עליה. אונ דארט ביי אברהם אבינו שטייט זיצט איך דא. עם החמור. לייענע מיר ניט עם

עם הדומה לחמור. ורות להולכים בה א"ר ירמיה (א"ר) [בר] אבא א"ר יוחנן כל המהלך ד' אמות בארץ ישראל מובטח לו שהוא בן העה"ב. ולר"א צדיקים שבח"ל אינם חיים אמר ר' אלעאי ע"י גלגול מתקיף לה ר' אבא סלא רבה גלגול צדיקים צער הוא אמר אביי מחילות נעשות להם בקרקע:

חיים. כמתים: ע"י גלגול. מתגלגלים ומגיעים עד א"י וחיים שם: מחילות נעשות להם בקרקע. ועומדים על רגליהם והולכים במחילות עד א"י ושם מתגלגלין ויוצאין: דברים בגו. יש כאן דברים מסותרים בדבר זה וצריך לתת להם לב: שצדיק גמור היה. ולא היה צריך לזכות א"י: שלחו ליה אחוהי לרבה. רב נחמני בפומבדיתא הוה והיה לו לשבת בא"י ושלחו אגרת זו כדי שיעלה אצלם: פירש

(בראשית מז) יא ונשאתני ממצרים וקברתני בקבורתם.

אמר קרנא דברים בגו יודע היה יעקב אבינו שצדיק גמור היה ואם מתים שבח"ל חיים למה הטריח את בניו שלא קבל עליו צער מחילות כיוצא בדבר אתה אומר (שם נ) וישבע יוסף את בני ישראל וגו' א"ר חנינא דברים בגו יודע היה יוסף בעצמו שצדיק גמור ה"ה ואם מתים שבח"ל חיים למה הטריח את אחיו ד' מאות פרסה שלא קבל עליו צער מחילות שלחו ליה אחוהי לרבה יודע יעקב שצדיק גמור

החמור: נאר עם החמור. אפאלק וואס איז גלייך צו אאייזיל. אזוי וויא דער עם וואס שטייט בי אברהם מיינט מען דיא גוים וואס זענין ניינע קנעכט: אזוי דער עם וואס עס שטייט לעם עליה מיינט מען אויך דיא גוים וואס זענין יודישע קנעכט. ניט גאט אנשמה אפילו צו זייא אויך. אין פסוק שטייט גאט גיט אהעבעדיגען אטעם צו דיא מענטשין וואס גייען אין ארץ ישראל. האט רבי ירמיה בר אבא גזאגט פון רבי יוחנן ווענין דער וואס גייט פיר איילין אין ארץ ישראל איז ער פאר זיכערט אז ער וועט האבין עולם הבא. פרעגט דיא גמרא האלט דען רבי אלעזר אז דיא גישטארבענע צדיקים וואס אין חוץ לארץ וועלין ניט לעבעדיג ווערין. האט רבי אלעאי גזאגט זייערע ביינער וועלין זיך קוילערין אונטער דיא ערד ביז אין ארץ ישראל. אונ דארט וועלין זיי לעבעדיג ווערין. האט רבי אבא סלא רבה גיפרעגט וועלין דאך דיא צדיקים האבין צער ווען זייערע ביינער וועלין זיך קוילערין אונטער דיא ערד. האט אביי גזאגט עס וועט גימאכט ווערין קעלערס אין דיא ערד: אונ די צדיקים וועלין אוף שטיין פון זייערע קברים אונ וועלין גיין דורך די קעלערס ביז זייא וועלין קומען אין ארץ ישראל: אונ אין ארץ ישראל וועלין זייא ארויס גיין פון דיא ערד:

יא ונשאתני. יעקב אבינו האט גזאגט צוא יוסף דוא זאלסט מיך טראגין פון מצרים אונ זאלסט מיך בגראבין אין זייער בגרעבנים: האט קרנא גזאגט אין דער זאך איז דא פאר בארגענע רייד. יעקב אבינו האט דאך גיוואוסט אז ער איז אאמתר צדיק: אונ ער דארף ניט דעם זכות פון ארץ ישראל. אויב דיא מתים וואס זענין בגראבין אין חוץ לארץ וועלין אויך לעבעדיג ווערין. צו וואס האט ער מטריח גיוועזן זיינע קינדער זייא זאלין אים טראגין אין ארץ ישראל. נאר ווייל יעקב האט ניט גיוואלט ליידין דעם צער צוא גיין דורך דיא קעלערס ביז ער וועט קומען אין ארץ ישראל. נאך אזו אגלייכין זאגין מיר. עס שטייט אין פסוק יוסף האט בשווארין דיא יודין ווען זייא וועלין ארויס גיין פון מצרים זאלין זייא מיט נעמען זיינע ביינער. האט רבי חנינא גזאגט אין דער זאך איז דא פאר בארגענע רייד. יוסף האט דאך גיוואוסט אז ער איז אאמתר צדיק. אונ ער דארף ניט דעם זכות פון ארץ ישראל. אויב דיא מתים וואס זענין בגראבין אין חוץ לארץ וועלין אויך לעבעדיג ווערין. צוא וואס האט ער מטריח גיוועזן זיינע ברידער זייא זאלין אים טראגין פיר הונדערט מייל. נאר ווייל יוסף האט ניט גיוואלט ליידין דעם צער צוא גיין דורך דיא קעלערס ביז ער וועט קומען אין ארץ ישראל: דיא ברידער פון רבה האבין גיוואונט אין ארץ ישראל אונ האבין געשיקט צוא רבה וואס ער האט גיוואונט אין חוץ לארץ. ער זאל קומען צוא זייא אין ארץ ישראל. האבין זייא גזאגט צוא אים דיא פריערדיגע רייד וואס עס איז גישטאנען פון יעקב אונ פון יוסף. פון זייא זעהט מען אז מען בארף וואוגען אין

ואלפא מוסיף בה דברים. מה שלא לו כן: מעשה באחד שהיה מצטער על אשה אחת. שנתן בה עיניו וכיון שהיה בא"ל: ואע"פ שחכם אתה. יפה לך לצאת כאן ללמוד מפי הרב שאין דומה שלומד משנו וכו': ואם תאמר אין לך רב. כאן שיוכל ללמדך: שאין בה סמיכה. כמו במקומות או בקתדרות יש סמיכה בספסלין ובכאות אין סמיכה: רפאים בל יקומו. במרפה עצמו מד"ת: וארץ רפאים

גמור היה וכו'. אילפא מוסיף בה דברים מעשה בא' שהיה מצטער על אשה אחת ובקש לירד כיון ששמע כזאת גלגל בעצמו עד יום מיתו אע"פ שחכם גדול אתה אינו דומה לומד מעצמו ללומד מרבו ואם תאמר אין לך רב יש לך רב ומנו ר' יוחנן ואם אין אתה עולה הזהר בג' דברים אל תרבה בישיבה שישיבה קשה להתחתוניות ואל תרבה בעמידה שעמידה קשה ללב ואל תרבה בהליכה שהליכה קשה לעינים אלא שליש בעמידה שליש בישיבה שליש בהלוך. כל ישיבה שאין עמה סמיכה עמידה נוחה הימנה עמידה ס"ד והאמרת עמידה קשה ללב אלא ישיבה (ע"ג) שאין בה סמיכה עמידה שיש בה סמיכה נוחה הימנה:

יב אמר ר' אלעזר עמי ארצות אינם חיים שנאמר (ישעיה כו) מתים בל יחיו רפאים בל יקומו תנ"ה מתים בל יחיו יכול לכל ת"ל רפאים בל יקומו במרפה עצמו מדברי תורה הכתוב מדבר א"ל ר' יוחנן לא ניחא למרייהו דאמרת להו הכי ההוא במרפה עצמו לע"ז הוא דכתיב א"ל קרא אחר אני דורש דכתיב (שם כו) כי טל אורות טלך וארץ רפאים

ארץ ישראל: אילפא זאגט זיא האבין נאך מער געשיקט זאגין צו רבה. עס האט אמאל געטראפין איינער האט געוואונט אין ארץ ישראל אונ עס איז אים געפעלין א אשה וואס האט געוואונט אין חוץ לארץ. האט ער געהאט גרויס צער פאר וואס ער קען ניט חתונה האבין מיט דיא אשה. אונ ער האט געוואלט גיין צו איר אין חוץ לארץ. ווי ער האט געהערט וואס דא איז פריער געשטאנען פון יעקב אונ יוסף. איז ער געבליבען וואוינען אין ארץ ישראל ביז ער איז געשטארבין. אונ אפילו דוא ביסט א גרויסער חכם. פון דעסטוועגין זאלסטו קומען צו אונז אין ארץ ישראל. וואריום עס איז ניט גלייך אז מען לערנט פון זיך אליין צו מען לערנט פון א רבי. וועסטו אפשר זאגין דוא האסט ניט קיין רבי אין ארץ ישראל. דוא האסט א רבי אין ארץ ישראל. דס איז רבי יוחנן. אונ אויב דוא ווילסט ניט קומען צו אונז אין ארץ ישראל. זאלסטו דיך היטען אין דריא זאכין. דוא זאלסט ניט צוא פיל זיצען: ווארום פון פיל זיצען בעקומט מען מארידען קראנקייט. אונ דוא זאלסט ניט צוא פיל שטיין: ווארום פון פיל שטיין ווערט שוואך דיא הארץ. אונ דוא זאלסט ניט צוא פיל גיין. ווארום פון פיל גיין ווערט טונקעל דיא אויגין. נאר א דריטול זאלסטו שטיין. אונ א דריטול זאלסטו זיצען. אונ א דריטול זאלסטו גיין: א זיצונג וואס מען קען זיך ניט אן לענען. איז בעסער צו שטיין. פרעגט דיא גמרא דו זאגסט דאך אז פון שטיין ווערט שוואך דיא הארץ. נאר אזו מיינט מען איידער צוא זיצען אן אנלעהנונג. איז בעסער צוא שטיין אן גילעהנט:

יב אמר. רבי אלעזר האט גזאגט דיא עמי הארצים וואס זענין געשטארבין וועלין ניט צוריק לעבעדיג ווערין ווען משיח וועט קומען. ווארום עס שטייט אין פסוק דיא טויטע וועלין ניט לעבין רפאים בל יקומו. דיא מענטשן וואס האבין זיך אפ גילאזט פון תורה לערנען. וועלין ניט אויף שטיין. זאגט דיא גמרא מיר האבין אויך אזוי גילערנט. עס שטייט אין פסוק דיא טויטע וועלין ניט לעבין. וואלטין מיר מיינען אלע טויטע וועלין ניט לעבין. שטייט אין פסוק רפאים בל יקומו. דער פסוק מיינט נאר דיא מענטשין וואס האבין זיך אפ גילאזט פון תורה לערנען וועלין ניט אויף שטיין: אבער דיא מענטשין וואס האבין גילערנט תורה וועלין יא אויף שטיין. האט רבי יוחנן גזאגט צוא רבי אלעזר גאט וויל ניט דוא זאלסט אזוי זאגין. נאר דיא געשטארבענע עמי הארצים וועלין אויך אויף שטיין. אונ וואס עס שטייט אין פסוק רפאים בל יקומו. דאס מיינט מען דער וואס האט זיך אפ גיזאגט פון דיא תורה אונ ער דינט עבודה זרה דער וועט ניט אויף שטיין צוא תחית המתים. האט רבי אלעזר גזאגט איך דרשע איין

רפאים תפיל כל המשתמש באור תורה אור תורה מחייהו וכל שאין משתמש באור תורה אין אור תורה מחייהו. כיון דחזייה דקא מצטער א"ל ר' מצאתי להם (רפואה) [תקנה] מן התורה (דברים ד) ואתם הדבקים בה' אלהיכם חיים כלכם היום וכי אפשר לדבוקי בשכינה יהכתיב (שם) כי ה' אלהיך אש אוכלה הוא אלא כל המשיא בתו לת"ח והעושה פרקמטיא לת"ח והמהנה ת"ח מנכסיו מעלה עליו הכתוב כאלו מדבק בשכינה כיוצא בדבר אתה אומר (שם ל) לאהבה את ה' אלהיך וגו' ולדבקה בו וכי אפשר לאדם לדבק בשכינה אלא כל המשיא בתו לת"ח והעושה פרקמטיא לת"ח והמהנה ת"ח מנכסיו מעלה עליו הכתוב כאלו מדבק בשכינה . א"ר חייא בר יוסף עתידין צדיקים שמבצבצים ועולים בירושלים שנאמר (תהלים עב) ויציצו מעיר כעשב הארץ ואין עיר אלא ירושלים שנאמר (מ"ב יט) יגנותי (על) [אל] העיר הזאת . וא"ר חייא בר יוסף עתידין צדיקים שיעמדו בלבושיהם קל וחומר מחטה מה חטה שנקברה ערומה יוצאה בכמה לבושים צדיקים שנקברו בלבושיהם עאכ"ו :

לפאים תפיל . ולארץ רפאים תפיל : מצאתי להם תקנה . יהנו לת"ח מנכסיהם : העושה פרקמטיא . מתעסק בממון ת"ח כדי להגיע לידם שכר והם פנוים לעסוק בתורה ע"י אלו וכתיב חיים כלכם היום ע"י דבוקו של ת"ח יזכה לחיות :
גלוסקאות

אנדער פסוק אז עמי הארצים וועלין ניט אויף שטיין צוא תחיית המתים: ווארום עס שטייט אין פסוק כי טל אורות טלך וארץ רפאים תפיל. דער וואס האט געניצט מיט דיא ליכטיגקייט פון דער תורה. וועט דיא ליכטיגקייט פון דער תורה אים לעבעדיג מאכען: אונ דער וואס הט ניט געניצט מיט דיא ליכטיגקייט פון דער תורה. וועט דיא ליכטיגקייט פון דער תורה אים ניט לעבעדיג מאכען. וויא רבי אלעזר האט געזעהן אז רבי יוחנן האט צער ווייל די עמי הארצים וועלין ניט לעבעדיג ווערין צו תחיית המתים. האט רבי אלעזר געזאגט איך האב גיפונען אהילף צו די עמי הארצים פון אפסוק אין דער תורה. עס שטייט אין פסוק אונ איהר זענט בהעפט צו אייער גאט לעבט איהר אלע היינט. קען דען אמענטש זיין בהעפט צו גאט: עס שטייט דאך אין פסוק אז גאט איז אזוי וויא אפייער וואס פאר ברענט. נאר דער וואס מאכט חתונה זיין טאכטער מיט אתלמיד חכם. אונ דער וואס האנדילט מיט דיא געלט פון תלמיד חכם: אונ ווי פיל עס איז דא פארדינסט גיט ער איהם אוועק. אונ דאס טוהט ער דער תלמיד חכם זאל האבין פון וואנען צו לעבין אונ זאל קענין זיצען רוהיג אונ לערנען. אונ דער וואס שיינקט געלט צום תלמיד חכם פון זיין פאר מעגין. דער תלמיד חכם זאל זיצען רוהיג אונ לערנען: אויף דיא אלע דריי רעכינט דער פסוק גלייך ווי זיי וואלטין זיך בהעפט צו גאט. אונ דורך דעם וועלין זייא לעבעדיג ווערין צוא תחיית המתים. נאך אזוי אגלייכין זאגט דער פסוק: דוא זאלסט ליב האבין גאט אונ דוא זאלסט דיך בהעפטין צו איהם. קען דען אמענטש זיין בהעפט צו גאט. נאר דער וואס מאכט חתונה זיין טאכטער מיט אתלמיד חכם. אונ דער וואס האנדילט מיט מיט דיא געלט פון אתלמיד חכם אונ זעהט צו פארדינען. אונ ווי פילע איז דא פארדינסט גיט ער איהם אוועק. אונ דאס טוהט ער דער תלמיד חכם זאל האבין פון וואנען צו לעבין אונ זאל קענען זיצען רוהיג אונ לערנען. אונ דער וואס שיינקט געלט צום תלמיד חכם פון זיין פארמעגין. דער תלמיד חכם זאל זיצען רוהיג אונ לערנען. אויף דיא אלע דרייא רעכינט דער פסוק גלייך וויא זייא וואלטין זיך בהעפט צו גאט. רבי חייא בר יוסף האט גיזאגט עס וועט אמאהל זיין אז דיא צדיקים וועלין ארויס שפראצין אונ ארויף גיין פון דיא ערד אין ירושלים. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק זייא וועלין שפראצין פון שטאט אזוי ווי דיא גראז שפראצט פון דיא ערד. אונ דיא שטאט מיינט מען ירושלים. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק איך וועל בעשיצען אויף דיא שטאט. אויף ירושלים. נאך האט רבי חייא בר יוסף גיזאגט ווען דיא צדיקים וועלין לעבעדיג ווערין וועלין זייא אויף שטיין אין דיא קליידער וואס מען האט זייא בגראבין. ווארום מאדאך אווייץ וואס מען האט איר בגראבין ומען האט איר פארזייעט נאקעט.

יג אמר ר' חייא בר יוסף עתידה ארץ ישראל שתוציא גלוסקאות וכלי מילת שנאמר (תהלים עב) יהי פסת בר בארץ. ת"ר יהי פסת בר בארץ מראש הרים אמרו עתידה חטה שתתמר כדקל ועולה בראש הרים ושמא תאמר יש צער לקוצרה ת"ל (שם) ירעש כלבנון פריו הקב"ה מביא רוח מבית גנזיו ומנשבה עליה ומשרה את סלתה ואדם יוצא לשדה ומביא מלא פסת ידו וממנה פרנסתו ופרנסת אנשי ביתו (דברים לב) עם חלב כליות חטה אמרו עתידה חטה שתהא כשתי כליות של שור הגדול ואל תתמה שהרי שועל קינן בלפת ושקלוהו ומצאו בו ששים ליטרין בליטרא של צפורי. תניא א"ר יוסי מעשה בשיחין באחד שהניח לו אביו שלשה בדי חרדל ונפשח אחד מהם ונמצאו בו ט' קבין חרדל ומעציו סיככו בו סוכת יוצרין. אר"ש בן תחליפא קלח של כרוב הניח לנו אבא והיינו עולים ויורדים בו בסולם. (שם) ודם ענב תשתה חמר אמרו לא כעה"ז עה"ב העה"ז יש בו צער לבצור ולדרוך העה"ב

גלוסקאות וכלי מילת. דרים פסת בר לשון פסת כיד שסיל רחבה והטה רחבה לא משכחת אלא פת אפויה: וכלי מילת. דרים פסת לשון כתונת פסים: שתתמר. לשון תומר דקל: קינן בלפת. קנה בו עד שעשה לידתו בתוכו ואעפ"כ שקלו את כמותה ס' ליטרין: נפשח. נגדל אחד מן הקלח: והיינו עולים בסולם. ללקט עלים שלוחים: ודם ענב פשטה. מתוך הענבים תשתהו ולא

נאָקסט דיא אַרוים אין פיל קליידער. דיא צדיקים וואס זענען בגראבין געוואָרין אין זייערע קליידער. איז דאָך געווים אַז זייא וועלין אויף שטיין אויך אין דיא קליידער:

יג אמר. רבי חייא בר יוסף האט געזאָגט עס וועט אַמאָהל וואַקסין אין ארץ ישראל פאַרטיגע קיכלאך אונ זיידענע קליידער. אַזוי וויא עס שטייט אין פסוק. יהי פסת בר בארץ. פסת מיינט מען פאַרטיגע ברויט. אונ פסת מיינט מען קליידער. דיא רבנן האָבין גילערונט עס שטייט אין פסוק יהי פסת בר בארץ מראש הרים. עס וועט אַמאָהל וואַקסין ווייץ אויף דיא בערג אַזוי גרוים וויא דיא טייטעל בוימער: טאָמער וועסטו זאָגין עס וועט זיין שווער צו שניידין דיא ווייץ. שטייט אין פסוק ירעש כלבנון פריו. דער ווינט וועט שטורעמען אויף דיא פירות. אַזוי וויא ער שטורעמט אויף דיא בוימער אין וואַלד. גאָט וועט ברענגען אַווינט פון זיינע אוצרות אונ דער ווינט וועט בלאָזין אויף דיא תבואה. אונ דיא קערנער וועלין אַרוים פאַלין. אונ אַמענטש וועט גיין אין פעלד אונ ער וועט ברענגען אַפולע האַנט קערנער ווייץ. אונ פון האַנט ווייץ וועט ער שפייזין זיך מיט אַלע זיינע שטוב מענטשין. עס שטייט אין פסוק. עם חלב כליות חטה. מיט דיא פעטס פון דיא נירען ווייץ. מען האט גיזאָגט עס וועט אַמאָהל זיין אַ ווייץ אַזוי גרוים אונ אַזוי פעט אַזוי וויא דיא צווייא נירען פון אַגרויסין אָקס. אונ דו זאָלסט דיך ניט וואונדערין עס זאָל זיין אַזעלכע גרויסע פירות. וואָרום אַפוקס האט אַמאָהל גימאַכט זיינע נעסט אין אַלפת ואין אַריבו. ער האט אַרוים גיגעסין פון אינווייניג. אונ עס איז געבליבען די בלויזע שאָלאַכץ אַרום. אונ אינווייניג האָט דער פוקס גיהאַט זיינע קינדער. אונ מען האָט גיוואוגין דעם שאָלאַכץ. האָט ער גיוואוגין זעכציג פונט מיט דיא וואָג פון דיא שטאָט ציפורי. מיר האָבין גילערונט רבי יוסי האָט גיזאָגט עס האָט אַמאָהל גיטראָפין אין דעם אָרט שיחין בייא איינעם וואָס דער פאָטער האָט איהם גילאָזין דריי צווייגין וואָס אויף זיי האָט גיוואַקסין חרדל. איז איין צווייגיל אָפּ געריסען געוואָרין. האָט מען אין איהם געפונען ניין קבין חרדל: אונ מיט די האָלץ האָט מען בדעקט די ביידלאַך וואָס די טעפּער מאַכין דאָרט זייערע טעפּ: רבי שמעון בן תחליפא האָט גיזאָגט אונזער פאָטער האָט אונז גילאָזין אַוואָרציל כרוב. איז מען אַרויף גיגאַנגען מיט אַלייטער פון דער ערד אויף דעם וואָרציל. אונ מען איז אַראָפּ גיגאַנגען מיט אַלייטער פון וואָרציל אויף די ערד. אין פסוק שטייט ודם ענב תשתה חמר. דיא בלוט פון ווייַן טרויבין וועט טו טרינקען ווַיין. ווען משיח וועט קומען וועט ניט זיין אַזוי וויא הַיינט איז. היינט אַז אַמענטש האָט וויינטרויבין האָט ער פיל אַרבעט. צו שניידין די ווינטרויבין פון בוים. אונ צוא טרעטין זייא דיא ווַיין זאָל אַרוים גיין. אָבער ווען משיח וועט קומען וועט אַמענטש ברענגען אויף

העה"ב מביא ענבה אחת בקרון או בספינה ומניחה בזוית ביתו ומספק הימנה כפטס גדול ועציה מסיקין תחת התבשיל ואין לך כל ענבה וענבה שאין בה ל' גרבי יין שנאמר ודם ענב תשתה חמר א"ת חמר אלא חומר. כי אתא רב דימי אמר מ"ד (בראשית מט) אוסרי לגפן עירה אין לך כל גפן וגפן שבא"י שא"צ עיר אחת לבצור.

ולא תלפתך לחרכו: חומר. כור והוא ל' סאין: גרבי. כלים: אין לך כל אילן סרק. שלא יעשה פרי: אין בו יין. אין בו נהלוה בפרי: סוסה. לשון סוסה שהיין מסית את השכור: רמוז לי בעיניך. (וותרגם) [ותתרגם] לשון שחוק ומסך חוך לי בעיניך שלך וטוב לי מיין כשתראני שניס לנוכות ושוחקות: ואחוי לי שיניך. [לקמן] לשון

(שם) ולשרקה בני אתונו אין לך כל אילן סרק שבא"י שאינו מוציא משוי שתי אתונות ושמא תאמר אין בו יין ת"ל (שם) כבס ביין לבושו ושמא תאמר אינו אדום ת"ל (שם) ובדם ענבים ושמא תאמר אינו מרוה ת"ל (שם) סותה ושמא תאמר אין בו טעם ת"ל (שם) חכלילי עינים מיין כל חיך שטועמו אומר לי לי וש"ת לנערים יפה ולזקנים אינו יפה ת"ל (שם) ולבן שנים מחלב אל תקרי לבן שינים אלא לבן שנים פשטיה דקרא במאי כתיב כי אתא רב דימי אמר אמרה כנסת ישראל לפני הקב"ה רבש"ע רמוז בעיניך דבסים מחמרא ואחוי לי שיניך דבסים מחלבא מסייע ליה לר' יוחנן דא"ר יוחנן טוב המלבין שינים

אוואגין אדער אויף אשיף איין ווייןטרויב און וועט איהם לייגין אין שטוב אין אווינקעל און ער וועט שעפין פון איהם וויין אזוי ווי מען שעפט פון אגרויסע פאס. און דעם ליידיגען ווייןטרויב וועט מען פארברענען צו קאכין פאר איהם. און יעדער ווייןטרויב וועט זיין וויין ניט ווייניגער ווי דרייסיג סאה. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק ודם ענב תשתה חמר. זאלסטו ניט לייענען חמר נאר זאלסט לייענען חומר. דיא בלוט (דיא וויין) וואס דוא וועסט טרינקען פון ווייןטרויב. וועט זיין חומר. דרייסיג סאה. אז רב דימי איז גיקומען האט ער גיזאגט עס שטייט אין פסוק אוסרי לגפן עירה. מען וועט בינדען צו אוויין שטאק אמויל אייזיל. צו יעדער וויין שטאק וואס וועט זיין אין ארץ ישראל וועט מען דארפין צו דיינע ווינטרויבין אמויל אייזיל זאל פירען די ווינטרויבין אהיים. אין פסוק שטייט ולשרקה בני אתונו. אפילו יעדער ליידיגער בוים וואס וועט וואקסין אין ארץ ישראל. וועט וואקסין אויף איהם פירות וואס מען דארף זייא פירען מיט צוויי אייזלען. טאמער וועסטו זאגין אין די פירות פון ליידיגען בוים איז ניטא קיין זאפט. שטייט אין פסוק ער וועט וואשין אין וויין זיין קלייד אזוי פיל וויין וועט זיין (אפילו פון דיא ווינטרויבין פון דעם ליידיגען בוים) אז מען וועט וואשין קליידער אין וויין. טאמער וועסטו זאגין דער וויין וועט ניט זיין רויט. שטייט אין פסוק אין דיא בלוט פון דיא ווינטרויבין. דיא וויין וועט זיין רויט ווייא בלוט. טאמער וועסטו זאגין דער וויין וועט ניט זיין שטארק. ער וועט ניט אן שיכורין. שטייט אין פסוק סותה. סותה איז טייטש אן ריידין. ער רעט אן דעם שכור ער זאל איהם טרינקען. טאמער וועסטו זאגין דער וויין איז ניט גישמאק. שטייט אין פסוק חכלילי עינים מיין. יעדער גומען וואס דאס פארזוכט דעם וויין. בעט ער מען זאל איהם נאך געבין פון דעם וויין. חכלילי איז צוויי ווערטער. חכי דער גומען. לי לי צוא מיר צוא מיר זאל מען נאך געבין. טאמער וועסטו זאגין דער וויין איז נאר גוט פאר יונגע מענטשין. אבער פאר אלטע מענטשין איז ער ניט גוט. שטייט אין פסוק ולבן שנים מחלב. זאלכטו ניט לייענען ולבן שנים. נאר זאלסט לייענען ולבן שנים. דער מענטש וואס איז אלט אין יאהרין פאר איהם איז אויך גוט די וויין. זאגט דיא גמרא וויא לערנט מען דעם פראסטין פשט אין פסוק. אז רב דימי איז גיקומען האט ער גיזאגט. דיא אידין האבין גיזאגט פאר גאט רבונו של עולם טוה אוואונק צו מיר מיט דיינע אויגין. דאס איז ביי מיר גישמאקער ווי וויין. און ווייז מיר דיינע ציין ולאס מיינט מען דוא זאלסט לאכין צוא מירן. דאס איז ביי מיר גישמאקער ווייא מילך. דאס וועט זיין אבעווייזונג צו רבי יוחנן. ווארום רבי יוחנן האט גיזאגט דער וואס ווייזט די ווייסע ציין צו זיין חבר. דאס מיינט מען ער לאכט צו איהם און ווייזט איהם אפרייליך פנים. דאס איז ביי זיין חבר בעסער ווייא ער וואלט איהם

נתוק שהשומן שותת מגליו :
איפנר. לבן מיטלו: דלים. כרם מגודל על גבי
לחופאות פריל"ס בלע"ז : כוס מבדל
פסי. שמרי תלית שבכל יום היה מתמעט מן
האשכלות והם שוים ה בכמל : קרמתי נבשף. קדם
עמוד השחר : והוי כמבי מיכסי עד אקרא
דהולבקני. כשהולך כל המקומות ישמר לבך :
נקבן

שינים לחברו יותר ממשקהו חלב שנאמר (שם) ולבן שנים מחלב אל תקרי לבן שינים אלא ליבון שינים : יד רב חייא בר אדא מקרי דרדקי דר"ל הוה איפנר תלתא יומי ולא אתא כי אתא א"ל אמאי איפנרת א"ל דלית אחת הניח לי אבא ובצרתי ממנו יום ראשון ג' מאות אשכולות אשכול לגרב יום ב' בצ־תי ג' מאות אשכולות ב' אשכול לגרב יום ג' בצרתי ממנה ג' מאות אשכולות ג' אשכול לגרב והפקרתי יותר מחציה א"ל אי לאו דאיפנרת הוה עבדא טפי. רמי בר יחזקאל איקלע לבי ברק חזינהו להנהו עזי דקאכלן תותי תאיני וקא נטיף דובשא מתאיני וחלבא טייף מנייהו ומערב בהדי הדדי אמר היינו זבת חלב ודבש. א"ר יעקב בן דוסאי מלוד לאונו ג' מילין פעם אחת קדמתי בנשף והלכתי עד קרסולי בדבש של תאנים. אמר ר"ל לדידי חזי לי זבת חלב ודבש של צפורי והוי שיתסר מילין אשיתסר מילין. אמר רבה בר בר חנה לדידי חזי לי זבת חלב ודבש של כל א"י (דף קיב) והוי כמבי מיכסי עד אקרא דתולבקני עשרין ותרתי פרסי אורכא ופותיא שיתא פרסי. ר' חלבו ור' עוירא ור' יוסי בר חנינא איקלעו

געבן טרינקען מילך. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ולבן שנים מחלב. זאלסט ניט לייענען לבן שינים נאר זאלסט לייענען ליבון שינים : אז ער ווייזט צו זיין חבר דיינע ווייסע ציין, פאר לאכט צוא אים. איז בייא זיין חבר בעסער וויא ער וואלט געטרונקען מילך :

יד רב חייא בר אדא איז געווען א מלמד בייא דיא קינדער פון ריש לקיש. איז אוועק ניטאנגען דרייא טעג אונ ער איז ניט געקומען לערנען מיט דיא קינדער. דער נאך וויא רב חייא איז געקומען. האט ריש לקיש צו איהם געזאגט פאר וואס ביסטו גיגאנגען לידיג. האט רב חייא געזאגט מיין פאטער האט מיר געלאזען איין ווייו גארטען דעם ערשטען טאג האב איך אפ געשניטען דרייא הונדערט צווייגלאך ווייטרויבען. פון יעדער צווייגעל ווייטרויבען איז געוועזען א סאה וויין. דעם אנדערן טאג האב איך אפ געשניטען 300 צווייגלאך ווייטרויבען פון צוויי צווייגלאך ווייטרויבען איז געווען א סאה וויין. דעם דריטען טאג האב איך אפ געשניטען דרייא הונדערט צווייגלאך ווייטרויבען פון דרייא צווייגלאך ווייטרויבען איז געוועזען א סאה וויין. אונ מער וויא א האלבען ווייןגארטען האב איך מפקיר געוועזען. ווער עס וויל זאל גיין נעמען דיא ווייטרויבען: האט ריש לקיש געזאגט צוא רב חייא ווען דו וואלסט ניט מבטל געוועזען פון לערנען דיא דרייא טעג. וואלט דיין ווייןגארטען נאך מער געוואקסען. ווארום דו האסט דאך אליין געזעהן אז יעדער טאג איז דער ווייןגארטען גיווארין ווייניגער פון דיא ווייטרויבען. ווייל דוא האסט ניט געלערנט מיט דיא קינדער. רמי בר יחזקאל איז אמאהל געקומען אין דעם ארט ברק האט ער געזעהן ציגען שטייען אונטער דיא פייגען בוימער אונ עסין פייגען. אונ דיא האניק רינט פון דיא פייגען אויף דיא ערד. אונ דיא מילך רינט פון די ציגען. אונ עס ווערט אויס געמישט דיא מילך מיט דיא האניק. האט רמי געזאגט דאס איז וואס דיא תורה זאגט אז ארץ ישראל איז א לאנד וואס אין איר רינט מילך אונ האניק. רבי יעקב בן דוסאי האט געזאגט פון לוד ביז אונו איז דרייא תחום שבת וועלכעס טרעפט איילף אמאהל בין איך אויף געשטאנען גאנץ פריא פאר טאג. אונ בין גיגאנגען ופון לוד ביז אונו) ביז דיא קנעכיל אין האניק פון פייגען. ריש לקיש האט געזאגט איך האב געזעהן דעם ארט וואו עס האט גירונען מילך אונ האניק נעבען דיא שטאט צפורי. איז דער ארט גרויס געוועזען זעכצעהן תחום שבת דיא לענג אונ זעכצעהן תחום שבת דיא ברייט. רבה בר בר חנה האט געזאגט איך האב געזעהן אלע ערטער פון גאנץ ארץ ישראל וואס דארט האט גירונען מילך מיט האניק. אז מען זאל צוא זאמען נעמען אלע ערטער וועט זיין אזוי גרויס וויא פון דעם ארט בי מיכסי ביז דעם ארט אקרא דהולבקני דאס איז צוויא אונ צוואנציג מייל דיא לענג אונ זעכצעהן מייל דיא ברייט.

להווא אתרא אייתי קמיהו אפרסקא דהוה כאילפס כפר הינו ואילפס כפר הינו כמה הוה חמש סאין. אכלו שליש זהפקירו שליש ונתנו לפני בהמתן שליש. לשנה איקלע ר' אלעזר להתם ואייתו לקמיה נקטן בידיה ואמר (תהלים קז) ארץ פרי למלחה מרעת יושבי בה ר' יהושע בן לוי איקלע לגבלא חזנהו להנהו קטופי דהוו קיימי כי עיגלי אמר עגלים בין הגפנים אמרו ליה קטופי נינהו אמר ארץ ארץ הכניסי פירותיך למי את מוציאה פירותיך לערביים הללו שעמדו עלינו בחטאתינו לשנת איקלע ר' חייא להתם חזנהו דהוו קיימי כעזי אמר עזים בין הגפנים א"ר זיל לא תעביד קן בחכרך:

טו ת"ר בברכותיה של א"י בית סאה עושה ה רבוא כורין בישיבתה של צוען בית סאה עושה ע' כורין דתניא א"ר מאיר אני ראיתי בבקעת בית שאן בית סאה עושה ע' כורין. ואין לך מעולה בכל הארצות יותר מארץ מצרים שנאמר (בראשית יג) כגן ה' כארץ מצרים ואין לך מעולה בכל ארץ מצרים יותר מצוען דהוה

נקטן בידיה. מלאן קטנות מאוד כיון אחד: קטופי. אשכולות כדמתרגמינן לא סבטר לא תקטוף: לשנה. לסוף שנה: בברכותיה: כשהשנה מבורכת: בישיבתה של טוען וכו'. [כלומר] כדמפרש והזיל ומטוען אחד למד לא"י כדמפרש ואזיל: אני ראיתי בבקעת בית שאן. שה"א משאר ארצות: בית סאה עושה ע' כורין. וכיון דבשאר ארצות יש ע' כורין כ"ש בארץ מצרים שאין לך מעולה בכל הארצות כמצרים שהיי נמשלה לגן ה' ואין במצרים מדים מעולה כטוען

רבי חלבו און רבי עוירא און רבי יוסי בר חנינא זענען אמאהל געקומען אויף איין ארט. האט מען געבראכט פאר זיי א פרסקים יעדער אפרסק איז געווען גרויס אזוי וויא א ראנדעל (א טאפ) פון דארף הינו. און דער ראנדעל פון דארף הינו וויא גרויס איז געווען: אין איהם האט מען געקענט אריין גיסען וואסער פינף סאה. א דריטטיל פון דעם אפרסק האבין זיי געגעסען. און א דריטטיל האבען זיי מפקיר געווען. און א דריטטיל האבין זיי געגעבין פאר דיא בהמות. אויף דעם אנדערין יאהר איז געקומען רבי אלעזר אויף דעם ארט און מען האט פאר איהם אויך געבראכט אפרסקים: זענען זיי געווען אזוי קליין אז ער האט געקענט האלטין דיא אפרסקים אין איין האנט. האט רבי אלעזר געזאגט דיא פרוכטבארע לאנד איז געווארין געזאלצענע ערד. ווייל דיא וואס זיצען אויף דער לאנד זענען שלעכט געווארין. רבי יהושע בן לוי איז אמאהל געקומען אין דעם ארט גבלא. האט ער געזעהן צווייגן ווינטרויבען וואס זענען געשטאנען אין ווייגארטין אזוי וויא קעלבער. פון ווייטענס האט רבי יהושע געמיינט אז דאס זענען קעלבער: האט ער געזאגט צו דיא מענטשין קעלבער זענען אין וויין גארטין צווישען דיא ווינשטאקין האבין דיא מענטשין צו איהם געזאגט דאס זענען ניט קיין קעלבער נאר צווייגין ווינטרויבין. האט רבי יהושע געזאגט דוא ערד דו ערד נעם אריין דיינע פירות. פאר וועמען ציהסט דו ארויס דיינע פירות. פאר דיא אראבער וואס זיי זענען געשטאנען אויף אונז דורך אונזערע זינד. אויף דעם אנדערין יאהר איז געקומען רבי חייא אין גבלא. האט ער געזעהן דיא צווייגין ווינטרויבין שטייען אזוי גרויס וויא דיא ציגען. האט רבי חייא געפרעגט ציגען זענען צווישען דיא ווינשטאקין. האט מען געזאגט צוא רבי חייא גייא פון אונז זאלסט אונז ניט מאכין אזוי וויא דיין חבר האט געמאכט זאלכט אונז ניט פלוכין אזוי וויא רבי יהושע האט אונז געפלוכט:

טו תנו רבנן. דיא רבנן האבין געלערנט ווען ארץ ישראל איז געווען געבענשט אז מען האט געזייט אויף א שטיק ערד וואס איז געווען גרויס א סאה פופציג איילין דיא לייננג און פופציג איילין דיא ברייט. האט געוואקסין פינף רבוא כורין דאס איז פופצעהן מאהל הונדערט טויזענד סאה. ווען דיא שטאט צוען איז געווען בוואהנט. אז מען האט דארט געזייט אויף א שטיק ערד וואס איז געווען גרויס א סאה האט געוואקסין זיבעציג כורין דאס איז צוויא טויזענד מיט איין הונדערט סאה. ווארום מיר האבין געלערנט רבי מאיר האט געזאגט איך האב געזעהן אין דעם טאהל בית שאן אז מען האט דארט געזייט אויף א שטיק ערד וואס איז געווען גרויס א סאה. האט געוואקסין זיבעציג כורין דאס איז צוויא טויזענד מיט איין הונדערט

דהוה מרבו בה מלכי דכתיב (ישעיה ל) כי היו בצוען שריו ואין לך טרשים בכל א"י יותר מחברון דהוי קברי בה שכבי ואפ"ה חברון מבונה על א' משבעה בצוען דכתיב (במדבר יג) וחברון שבע שנים נבנתה לפני צוען מצרים מאי נבנתה אילימא נבנתה ממש אפשר אדם בונה בית לבנו קטן קודם שיבנה לבנו גדול שנאמר (בראשית י) ובני חם כוש ומצרים ופוט וכנען אלא שמבונה על אחת משבע בצוען והני מילי בטרשים אבל שלא בטרשים ה' מאה והני מילי שלא בברכותיה אבל בברכותיה כתיב (בראשית כו) ויזרע יצחק בארץ ההיא וימצא בשנה ההיא מאה שערים: **תניא** אמר ר' יוסי סאה ביהודה היתה עושה ה' סאים סאה קמח סאה סולת סאה סובין סאה מורסן וסאה קיבוריא א"ל ההוא צדוקי לר' חנינא יאי

צוען: דמרבו בה מלכי. מצרים שנאמר כי היו בצוען שריו על (מלך) [מלכי] ישראל שכתוב מדבר לגאלי שמרדו בהקב"ה וסמכו על מלכי מצרים ותמיד היו שריהם ושלוחיהם מצויין בצוען שלוחים אל מלך מצרים מביאים תשורה: נבנתה. בנויה בכל טוב מבונה לשון פרי כדכתיב ואבנה גם אנכי ממנה: לבנו הקטן. לכנען: לבנו הגדול. למצרים: על אחת ז'. הרי ז' פעמים ע' הרי ת"ן ובמקום שאינו טרשים כחברון יש להוסיף עד ת"ק ובברכותיה כתיב ק' שערים על אחת שבשאר שנים נתברך נמצא מאה פעמים ת"ק הרי ה' רבות:

סאה קמח. הוא אבק דק היוצא מן הנפה והחטים שטוחים בריחים של גריסין ואינן טחונים דקים והנפה מוציאה הקמח וקולטת הסולת ומחזיר מה שבנפה ברחיים. סובין. שהמכתשת מוציאה כשלותתין חטין לסולת כותשין אותן במכתשת: מורסן. אף סובין היוצאים באחרונה; קיבוריא. קמח שאינו יפה שמעורב ממנו עם קיבר וקורי

סאה: אין אלע לענדער איז ניטא קיין בעסערע לאנד וויא מצרים איז. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אזוי וויא דער גארטין פון גאט אזוי איז מצרים. אונ אין גאנץ לאנד מצרים איז ניטא קיין בעסערע שטאט וויא צוען איז: ווארום אין צוען האט מען גיארעוועט אלע קעניגען. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אין צוען זענען גיוועזן דיא שרים: אונ אין גאנץ ארץ ישראל איז ניטא אזעלכע הארטע ערד וויא אין חברון איז. דריבער האט מען אלע מתים בגראבען אין חברון. ווייל דיא ערד איז ניט גוט צום זייען. פון דעסטוועגין איז חברון גיוועזן זיבען מאהל בעסער אונ פרוכטבארער וויא צוען איז גיוועזן: ווארום עס שטייט אין פסוק חברון איז גיבאהט גיווארין זיבען יאהר פריער פאר צוען מצרים. זאגט דיא גמרא וואס מיינט מען גיבאהט גיווארין. מיר זאלין זאגין חברון איז טאקי גיבאהט גיווארין מיט זיבען יאהר פריער וויא צוען מצרים איז גיבאהט גיווארין. קען דאס זיין. וועט אמענטש באהען אשטוב פאר זיין יונגערין זוהן פריער וויא ער וועט באהען פאר זיין עלטערין זוהן. עס שטייט דאך אין פסוק דיא קינדער פון חם זענען גיוועזן כוש אונ מצרים פ"ט אונ כנען. האט חם גיבאהט דיא שטאט חברון פאר זיין יונגערין זוהן פאר כנען. פריער וויא ער האט גיבאהט דיא שטאט צוען פאר זיין עלטערין זוהן פאר מצרים. דאס קען דאך גיט זיין; נאר אזוי מיינט מען חברון איז גיוועזן גיבאהט זיבען מאהל בעסער וויא צוען. אונ אז אין צוען האט גיוואקסין פון אסאה ערד זיבעציג כורים. האט אין חברון גיוואקסין פון אסאה ערד זיבען מאהל זיבעציג כורים. דאס איז פיר הונדערט מיט ניינציג כורים. אונ דאס איז גיוועזן בייא דיא הארטע ערד פון ארץ ישראל. אונ ניט בייא הארטע ערד איז ארץ ישראל גיוועזן מיט פינף הונדערט מאהל בעסער. אונ דאס איז גיוועזן ניט אין איאהר פון אברכה. אבער אין איאהר פון אברכה שטייט יצחק האט גייייט אין דיא לאנד אונ ער האט גיפונען אין דעם יאהר הונדערט מאהל אזוי פיל. איז הונדערט מאהל פינף הונדערט כורים. איז פינף ריבוא: אריבוא איז צעהן טויזנד. איז פופציג טויזנד כורים; אונ אכור איז דרייסיג סאה. איז דרייסיג מאהל פופציג טויזנד סאה. דאס איז פופצעהן מאהל הונדערט טויזנד סאה:

מז תניא: מיר האבין גילערונט רבי יוסי האט גזאגט אין יהודה האט גיוואקסין פון איין סאה פינף סאה. איין סאה פראכטע מעהל. איין סאה פיינע מעהל. איין סאה גראבע קלייען איין סאה דינע קלייען. אונ איין סאה שווארצע מעהל. אאפיקורוס האט גזאגט צוא רבי חנינא איהר לויבט זייער ריכטיגי אייער לאנד. דיא איז טאקי באמת אגוטע לאנד: מיין

ט שאיני : אז איינער האט גזאגט איך טוה אנדר איך זאל ניט הנאה האבען פון אברהמס קינדער . טאר ער ניט הנאה האבען פון יודין : אונ ער מעג הנאה האבען פון אלע פעלקר . פרעגט די גמרא וויא אזוי מעג ער הנאה האבען פון ישמעאל . ער איז דאך אויך אקינד פון אברהם : ענטפערט די גמרא עס שטייט אין פסוק כי ביצחק יקרא לך זרע . נאר יצחק ווערט גירופען אקינד פון אברהם . אבער ניט ישמעאל : ווארום ישמעאל הייסט אקינד פון הגר . פרעגט די גמרא וויא אזוי מעג ער הנאה האבין פון עשו . ער איז דאך אקינד פון יצחק אונ יצחק איז אקינד פון אברהם . ענטפערט די גמרא גאט האט ניט גזאגט צוא אברהם יצחק וועט גירופען ווערין דיין קינד : נאר אין יצחק וועט גירופען ווערין דיין קינד . האלב יצחק ווס איז יעקב איז דיין קינד : אבער ניט גאנץ יצחק . עשו הייסט ניט אקינד פון אברהם :

י משנה . קונם : אז איינער האט גזאגט איך טוה אנדר איך זאל ניט הנאה האבען פון ערל ; פון איוד אערל וואס איז ניט גימלתו מעג ער הנאה האבען . אונ פון אגוי אפילו ער איז גימלת : טאר ער ניט הנאה האבען . ווארום נאר אגוי ווערט גירופען ערל . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אלע גוים זענען ערלים : נאך אפסוק שטייט דער פלשתי דער ערל . נאך אפסוק שטייט טאמער ווען זיך פרייען די טעכטער פון די פלשתים : טאמער וועלין זיך פרייען די טעכטער פון די ערלים . זעהן מיר אז אגוי ווערט גירופען ערל . אבער ניט איוד . רבי ישמעאל זאגט די מצוה פון מילה איז גאנץ גרוים ווארום דרייצעהן מאהל האט גאט גיזאגט צו אברהם ער איז מיט אים כורת ברית אז ער וועט זיך מל זיין . רבי יוסי זאגט די מצוה פון מילה איז גרוים . ווייל זיא שטויסט אוועק שבת . מען מעג מל זיין אפילו אום שבת . רבי יהושע בן קרחה זאגט די מצוה פון מילה איז גרוים . ווארום גאט האט ניט גיווארט צוא דעם צדיק משה אויף דער מצוה אפילו איין שעה . אז משה האט ניט מל גיוועזן זיין זוהן צוא דער צייט . האט גאט גאר ניט גיווארט . נאר ער האט שוין געשיקט אמלאך ער זאל אים הרגנן . רבי נחמיה זאגט די מצוה פון מילה איז גרוים . אז אקינד האט אנגע אויף דער מילה : מעג מען אראפ שניידין די הויט מיט דער נגע . רבי זאגט די מצוה פון מילה איז גרוים . ווארום אויף

שנא' (בראשית יז) התהלך לפני והיה תמים. דבר אחר גדולה היא מילה שאלמלא היא לא ברא הקב"ה את עולמו שנאמר (ירמיה לג) אם לא בריתי יומם ולילה חקות שמים וארץ לא שמתי: [גמ'] רבי (אומר) [ד"א] גדולה מילה שהיא שקולה כנגד כל המצות שבתורה שנא' (שמות כד) הנה דם הברית אשר כרת ה' עמכם על כל הדברים האלה:

יא תניא ר' יהושע בן קרחה אומר גדולה מילה שכל זכיות שעשה משה רבינו לא עמדו לו בשעה שנתרשל מן המילה שנאמר (שמות ד) ויהי בדרך במלון ויפגשהו ה' ויבקש המיתו. אמר רבי (יוסי) ח"ו שמשה נתרשל מן המילה אלא כך אמר משה אמול ואצא סכנה היא דכתיב (בראשית לד) ויהי ביום השלישי בהיותם כואבים. אמול ואשהה שלשה ימים הקדוש ברוך הוא אמר לי (שמות ד) לך שוב מצרים אלא מפני מה נענש מפני (דף לב) שנתעסק במלון תחלה שנאמר ויהי בדרך במלון רבי

יש שם בהרס לבני יקין: לא נקרא שלם עד שמל. דכשנצטוה על המילה א"ל הקב"ה התהלך לפני והיה תמים: שנאמר הנה דם הברית. ואע"ג דהאי דם אינו דם מילה הוא אלא קרבן מכל מקום כיון דבתורה כולה כתיב ברית ובמילה נמי כתיב ברית מצותה שקולה כנגד כל המצות:

אמול ואצא סכנה. אם אלך בדרך תוך ג' ימים דכל ג' ימים כאיב ליה: דכתיב ויהי ביום השלישי בהיותם כואבים. ולאו למימר דביום הג' כאיב ליה טפי מיומא קמא אלא לכך המתינו שמעון ולוי עד יום הג' כדי שיהו חלושים ביותר שנכאבו ג' ימים והכי מוכח בפרק ר' אליעזר דמילה: שנתעסק במלון תחלה שנאמר ויהי בדרך במלון. דמשמע שמיד שבא מן הדרך נתעסק במלון והיה לו למול מתחלה וכ"ת היאך ימול כיון שהיה לו צריך לצאת בדרך י"ל דאותו מלון סמוך למצרים היה

אַלֶע מִצְוֹת וָואס אַבְרָהָם הָאט גִיטָאהן אִיז עֶר נִיט גִירוּפֶען גִיוָוארִין גַאנְץ. בִּיז עֶר הָאט זִיךְ מַל גִיוֶוען: אַזוֹי וִויא עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק גָאט הָאט גִזָאגְט צוּ אַבְרָהָם גֵיי פַאר מִיר אוּנ זַיי גַאנְץ: נָאךְ הָאט רַבִּי גִזָאגְט דִיא מִצְוָה פוּן מִילָה אִיז גְרוֹיס. וֶוען נִיט דִיא מִצְוָה פוּן מִילָה וָואלְט גָאט נִיט בַּשַׁאפֶען דִיא וֶועלְט. אַזוֹ וִויא עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק אם לא בְּרִיתִי יוֹמָם וָלַיְלָה. וֶוען נִיט דֶער בְּרִית מִילָה וָואס דִיא מִצְוָה אִיז מִיט דֶעם מֶענְטְשִׁין טָאג אוּנ נַאכְט: וָואלְט אִיךְ גָאר נִיט גִימַאכְט דִיא גִיזֶעץ פוּן הִימֶעל אוּנ עֶרְד: גְּמָרָא. רַבִּי זָאגְט דִיא מִצְוָה פוּן מִילָה אִיז גְרוֹיס: דָא אִיז גִיוָואגִין גֶעגִין אַלֶע מִצְוֹת פוּן דֶער תּוֹרָה. אַזוֹי וִויא עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק הִנֵּה דַם הַבְּרִית אֲשֶׁר כָּרַת ה' עִמָּכֶם עַל כָּל הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה. מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גִזָאגְט צוּ דִיא יוּדִין דָאס אִיז דִיא בְּלוּט פוּן דֶעם קָרְבָּן וָואס דוּרְךְ דִיא בְּלוּט הָאט גָאט מִיט אַייךְ כּוֹרֵת בְּרִית גִיוֶוען אוֹיף דִי אַלֶע רֵייד: שְׁטֵייט דָאךְ דֶער וָוארְט בְּרִית בַּיי דִיא בְּלוּט. אוּנ דֶער וָוארְט בְּרִית שְׁטֵייט בַּיי דִי בְּלוּט פוּן מִילָה. אַזוֹי וִויא דוּרְךְ דִיא בְּלוּט פוּן דֶעם קָרְבָּן הָאט גָאט כּוֹרֵת בְּרִית גִיוֶוען אוֹיף דִיא גַאנְצֶע תּוֹרָה. אַזוֹי דוּרְךְ דִיא בְּלוּט פוּן מִילָה הָאט אוֹיךְ גָאט כּוֹרֵת בְּרִית גִיוֶוען אוֹיף דִיא גַאנְצֶע תּוֹרָה:

יא תַּנְיָא. מִיר הָאבִּין גִילֶערוּנְט רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ בֶּן קָרְחָה זָאגְט דִיא מִצְוָה פוּן מִילָה אִיז גְרוֹיס. וָוארוּם דֶער זְכוּת פוּן אַלֶע מִצְוֹת. וָואס מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גִיטָאהן זֶענִין אִיהם נִיט בַּייא גִישְׁטַאנֶען וֶוען עֶר הָאט נִיט מַל גִיוֶוען זַיין קִינְד צוּ דֶער צֵייט. אַזוֹי וִויא עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק וֶוען מֹשֶׁה אִיז גִיוֶוען אִי וֶועג אִין הַארְבֶּערִיג [אִין גַאסְט הוֹיז]. הָאט אִיהם בַּגֶעגִינְט אַמַלְאָךְ פוּן גָאט אוּנ הָאט אִיהם גִיוָואלְט הַרְגֶנִין. הָאט רַבִּי גִיזָאגְט חַס וְשָׁלוֹם מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט נִיט גִיוָואלְט מַל זַיין זַיין קִינְד צוּ דֶער צֵייט. נָאר אַזוֹי אִיז גִיוֶוען. אִין דֶער זֶעלְבִּיגֶער צֵייט וֶוען דָאס קִינְד אִיז גִיבּוֹירִין גִיוָוארִין הָאט גָאט גִיזָאגְט צוּא מֹשֶׁה עֶר זָאל גֵיין אִין מִצְרַיִם. הָאט מֹשֶׁה גִיזָאגְט וִויא זָאל אִיךְ טָאהן. אִיךְ זָאל מַל זַיין דָאס קִינְד אוּנ גֵיין אִין וֶועג. אִיז אַסַכָּנָה פַאר דֶעם קִינְד. אַזוֹי וִויא עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק דֶעם דְרִיטֶען טָאג וֶוען זַיי זֶענִין נָאךְ גִיוֶוען קְרַאנְק: זֶעהְן מִיר אַז דְרַייא טֶעג נָאךְ דֶעם מַל זַיין אִיז מֶען קְרַאנְק. זָאל אִיךְ אִיהם מַל זַיין אוּנ וַוארְטִין דְרַייא טֶעג. גָאט הָאט דָאךְ מִיר גִיזָאגְט אִיךְ זָאל שׁוֹין גֵיין אִין מִצְרַיִם. פְרֶעגְט דִיא גְמָרָא פַאר וָואס דֶען אִיז מֹשֶׁה גִישְׁטְרָאפְט גִיוָוארִין. נָאר וֶוען מֹשֶׁה אִיז גִיקוּמֶען צוּ דֶעם גַאסְט הוֹיז וָואס נָאנְט צוּא מִצְרַיִם. דִיא שְׁטִיקוּל וֶועג וָואלְט שׁוֹין נִיט גִיוֶוען קֵיין סַכָּנָה. הָאט עֶר בַּאלְד דִיא עֶרְשְׁטֶע זַאךְ גִּיבַארְפְט

רבי שמעון בן גמליאל אומר לא למשה רבינו בקש שטן להרוג אלא לאותו תינוק שנא' (שם) כי חתן דמים אתה לי צא וראה מי קרוי חתן משה או אותו תינוק הוי אומר זה התינוק. דרש ר' יהודה בר (זבינא) [ביזנא] בשעה שנתרשל משה רבינו מן המילה באו אף וחמה ובלעוהו ולא שיירו ממנו אלא רגליו מיד ותקח צפורה צור ותכרות את ערלת בנה ותגע לרגליו וגו' וירף ממנו באותה שעה בקש משה להרגם שנא' (תהלים לז) הרף מאף ועזוב חמה וי"א לחמה הרג שנא' (ישעיה ס) חמה אין לי והכתיב (דברים י) כי יגרתי מפני האף והחמה תרי חמה הוו ואבע"א גונדא דחמה:

הי' ובאורחא פורתא ליכא סכנתא: הוי אומר זה התינוק שנעשה חתן ע"י ברית שמחתנין אותו במאוס ולאשוה: ולא שיירו ממנו אלא רגליו מקום המילה כדכתיב ולא עשה רגליו (שמואל ב' יט): להרגם. לאותם שני מלאכים: שנאמר הרף מאף ועזוב חמה. כלומר הקב"ה אמר לו שיעזבם אלמא ברוצה היה להרגם: שנאמר חמה אין לי. אלמא נהרג: גונדא דחמה. חיל [של] חמה אבל איהו גופיה נהרג:

כי על פי הדברים האלה כרתי אתך ברית. כלומר ברית מילה ששקולה ככל הדברים דהיינו כל

יב תניא רבי אומר גדולה מילה שאין לך (צדיק גמור בעולם) [מי שנתעסק במצות] כאברהם אבינו ולא נקרא תמים אלא על שם המילה שנאמר (בראשית יז) התהלך לפני והיה תמים וכתיב ואתנה בריתי ביני ובינך. דבר אחר גדולה מילה ששקולה כנגד כל המצות שבתורה שנאמר (שמות לד) כי על פי הדברים האלה כרתי

מאכן מל צו זיין דאס קינד: אונ ער האט זיך גאר בשעפטיגט פריער מיט אנדערע זאכין. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק ויהי בדרך במלון. ער איז געוועזן אין וועג אין גאסט הויז. דער ווארט אין וועג איז דאך איבעריג. עס האט גידארפט שטיין ער איז געוועזן אין גאסט הויז: נאר אזוי מיינט דער פסוק ווען ער איז גיקומען פון וועג האט ער זיך בשעפטיגט מיט דעם גאסט הויז: ניט מיט דעם קינד מל זיין. רבן שמעון בן גמליאל זאגט ניט משה רבינו האט דער שטן גיוואלט הרגנין: נאר דעם קינד האט ער גיוואלט הרגנין: אזוי וויא עס שטייט אין פסוק כי חתן דמים אתה לי. צפורה דיא ווייב פון משה האט גיזאגט דוא ביזט ביי מיר א חתן פון בלוט. מען האט דיך גיוואלט הרגנין. לאזין מיר זעהן ווער ווערט גרופין חתן. משה אדער דאס קינד. געוויס דאס קינד. דער קינד דעם טאג וואס מען איז איהם מל. ווערט ער גירופין חתן. ווייל מען איז איהם מחתן צוא דיא ערשטע מצוה: האט מען דאך דעם קינד גיוואלט הרגנין. רבי יהודה בר ביזנא האט גידרשת ווען משה רבינו האט אויף גיהאלטין מל צו זיין דאס קינד. זענין גיקומען צוויא מלאכים אף אונ חמה אונ האבין איהם איין גישלונגען פון קאפ ביז צוא דיא מילה. *) אונ האבין גישט מער גילאזין פון איהם נאר דיא פיס. האט באלד צפורה גינומען א שארפין מעסער אונ האט אפ געשניטען דיא ערלה פון איהר זוהן. האט דער מלאך איהם אפ געלאזין. האט משה גיוואלט הרגנין דיא ביידע מלאכים. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק גאט האט גיזאגט צו משה לאז אפ פון אף אונ פאר לאז דעם חמה. אבער ווען גאט וואלט איהם ניט גיהייסין אפ לאזין: וואלט ער זייא גיהרגת. אנדערע זאגין דעם מלאך חמה האט משה גיהרגת. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק גאט האט גיזאגט איך האב ניט קיין חמה. ווייל משה האט איהם גיהרגת. פרעגט דיא גמרא עס שטייט דאך אין פסוק משה האט גיזאגט איך האב מורא פאר דעם אף אונ פאר דעם חמה: ענטפערט דיא גמרא צוויי חמה זענין גיוועזן: איינעם האט ער גיהרגת אונ איינער איז געבליבען. אונ אז דוא ווילסט וועל איך דיר זאגין פאר דעם חיל פון חמה האט משה מורא גיהאט: אבער חמה אליין איז גיהרגת גיווארין:

יב תניא. מיר האבין גילערנט רבי זאגט דיא מצוה פון מילה איז גרויס. וואדום עס איז ניטא אויף דער וועלט אזוי א צדיק וויא אברהם אבינו איז גיוועזן. פון דעסטוועגין איז ער ניט גירופען תמים נאר פון וועגין דיא מילה. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דוא זאלסט גיין פאר מיר אונ זאלסט זיין גאנץ. וועל איך געבין בריתי מיין פאר בינדונג צווישען מיר אונ דיר. נאך האט רבי גיזאגט די מצוה פון מילה איז גרויס. זיא איז גיוואוין גיגין אלע מצות

*) פייו. מהרש"א

נמאת : ופליגא דרבי אלעזר . דרבי מוקי ליה להאי קרא במילה והוא מוקי האי קרא בתורה : שמא נמצא בי דבר מגונה . עד עכשיו שלא אמר לי והיה תמים עד עכשיו : צא מאצטגנינות שלך . ממספר זכמת מזלות שלך והיינו דכתיב ויוצא אותו החוצה :
כל

כרתי אתך ברית ואת ישראל . **דבר אחר** גדולה מילה שאלמלא מילה לא נתקיימו שמים וארץ שנאמר (ירמיה לג) אם לא בריתי יומם ולילה חקות שמים וארץ לא שמתי ופליגא דרבי אלעזר דא"ר אלעזר גדולה תורה שאלמלא תורה לא נתקיימו שמים וארץ שנאמר אם לא בריתי יומם ולילה וגו'. אמר רב יהודה אמר רב בשעה שאמר הקב"ה לאברהם אבינו התהלך לפני והיה תמים אחזה רעדה את עצמותיו אמר שמא דבר מגונה יש בי כיון שאמר ליה ואתנה בריתי ביני ובינך מיד נתקררה דעתו (בראשית יח) ויוצא אותו החוצה אמר לפניו רבש"ע הסתכלתי במזל שלי ואין לי בן אחר אלא ישמעאל א"ל הקב"ה אברהם צא מאצטגנינות שלך אין מזל לישראל :

יג א"ר יצחק כל המתמים את עצמו הקב"ה מתמם עמו שנא' (ש"ב כב) **עם חסיד** תתחסד וגו' רבי אושעיא אומר כל המתמים את עצמו שעה עומדת לו שנא'

פון דער תורה . אזו וויא עס שטייט אין פסוק כי על פי הדברים האלה כרתי אתך ברית ואת ישראל . איך האב כורת ברית גיוועזן איך האב גימאכט מיין פארבינדונג מיט דיר אונ מיט דיא יודין . דורך דיא מצות מילה . וואס זיא איז גיוואוגין געגין דיא אלע רייד . געגין אלע מצות פון דער תורה . נאך האט רבי גיזאגט דיא מצוה פון מילה איז גרויס . ווען ניט דיא מצות מילה וואלט דיא הימעל מיט דיא ערד ניט גישטאנען . אזוי ווי עס שטייט אין פסוק אם לא בריתי יומם ולילה . ווען ניט דער ברית מילה וואס די מצוה איז מיט דעם מענטשין טאג אונ נאכט . וואלט איך גאר ניט גימאכט דיא גיזעץ פון הימעל אונ ערד . אונ רבי וואס ער האט גיזאגט אז דער פסוק אם לא בריתי שמועסט פון מילה קריגט אויף רבי אלעזר . ווארום רבי אלעזר האט גיזאגט אז דער פסוק אם לא בריתי שמועסט ניט פון מילה נאר פון תורה . דיא מצוה פון תורה לערנען איז גרויס . ווען ניט די תורה וואלטין דיא הימעל אונ ערד ניט גישטאנען . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אם לא בריתי יומם ולילה ווען ניט דיא תורה וואס מען לערנט איהר טאג אונ נאכט : וואלט איך גאר ניט גימאכט די גזעץ פון הימעל אונ ערד . רב יהודה האט גזאגט פון רבס וועגין ווען גאט האט גיזאגט צו אברהם אבינו גייא פאר מיר אונ זייא גאנץ . ווענין זיינע ביינער פערציטערט גיווארין . אזוי לאנג וויא איך טוה מצות בין איך נאך אלץ ניט גיוועזן גאנץ . טאמער האט גאט גיפונען אין מיר ביז איצט אמיאוסע זאך . וויא גאט האט צו איהם גיזאגט איך וועל געבין מיין פארבינדונג צווישען מיר אונ דיר . איז איהם אפ געקיהלט גיווארין זיין פארשטאנד . איז ער רוהיג גיווארין . ווארום אז גאט וואלט אין איהם געפונין אמיאוסע זאך . וואלט ער דאך מיט איהם ניט גימאכט קיין פארבינדונג . נאר וויל ביז איצט איז ער ניט גיוועזן גימלת . איז ער ניט גיוועזן גאנץ : אונ פון איצט אז ער וועט שוין זיין גימלת . וועט ער שוין זיין גאנץ : עס שטייט אין פסוק ויוצא אותו החוצה . ווארום אברהם האט גיזאגט פאר גאט רבונו של עולם איך האב גיקוקט אויף מיין מזל . האב איך גיזעהן אז איך וועל ניט האבין קיין אנדער זוהן נאר ישמעאל : האט גאט גיזאגט צו אברהם גיי ארויס פון צו זעהן אין די מזלות . יודין האבין ניט קיין מזל . דאס מיינט מען ויוצא אותו החוצה : גאט האט איהם ארויס גינומען אויסער דעם מזל :

יג אמר . רבי יצחק האט גיזאגט דער מענטש וואס איז גאנץ מיט זיך אליין . ער קלערט ניט גי . נאר ער פארלאזט זיך אויף גאט . איז גאט גאנץ מיט איהם . טוהט גאט פון זיינעט וועגין אלץ וואס ער בארף . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק מיט דעם וואס טוהט מער ווי מען בארף טוהט גאט מיט איהם אויך מער וויא ער בארף . רבי אושעיא זאגט דער וואס מאכט זיך גאנץ אפילו ווען איהם איז שלעכט פארלאזט ער זיך אויף גאט אז ער וועט איהם העלפין . וועט אויף שטיין צו איהם אגוטע צייט . גאט וועט איהם העלפין . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק גאט

(עולם לגדולה) שנאמר (בראשית יז) התהלך לפני והיה תמים וכתיב (שם) והיית לאב המון גוים :

יד א"ר לוי כל המנחש לו נחש שנא' (במדבר כג) כי לא נחש ביעקב והא בלמ"ד אל"ף כתיב אלא משום מדה כנגד מדה . תני אהבה בריה דרבי זירא כל אדם שאינו מנחש מכניסים אותו למחיצה שאפי' מלאכי השרת אינם יכולין ליכנס לה שנאמר (שם) [כי לא נחש ביעקב וגו'] כעת יאמר ליעקב ולישראל מה פעל אל :

טו א"ר אבהו א"ר אלעזר מפני מה נענש אברהם אבינו ונשתעבדו בניו [למצרים] מאתים ועשר שנים מפני שעשה אנגריא בת"ח שנאמר (בראשית יד) וירק את חניכיו ילידי ביתו שמונה עשר ושלש מאות וירדוף עד דן . (רבי) שמואל (בר נחמני) אמר מפני שהפריז על מדותיו של הקב"ה שנאמר (שם טו) במה אדע כי אירשנה . רבי יוחנן אמר מפני שהפריש את בני

כל המנחש לו נחש . שהקסמים והנחשים רודפים אחריו שמזוק בכל דבר וכדאמרי' בפרק ערבי פסחים מאן דקפיד קפדין בהדיה שנאמר כי לא נחש וגו' : בלמ"ד אל"ף . דמשמע דאין רודפין אחריו : מדה כנגד מדה . מאן דקפיד קפדין בהדיה דכמדה שאדם מודד בה מודדין לו ולא נפיק מקרא : כעת יאמר ליעקב ולישראל מה פעל אל . שמלאכי השרת ישאלו לישראל מה פעל אל לפי שמתוך שאינם מנחשים מכניסים אותם למה לה שאין מלאכי השרת יכולים ליכנס לה ונראה בעיני דהיינו נמי מדה כנגד מדה שמתוך שאינו הולך לקראת נחשים לידע העתידות אלא בוטח בהקב"ה משום הכי מגלה לו הקב"ה רזי עולם שאינם גלויים למלאכי השרת : מפני מה נענש אברהם . אע"פ שעבירת העונש מפורשת על אומרו במה אדע מכל מקום עבירה זו העניש להיות נופל במה אדע : שעשה אנגריא בת"ח . שהוליכם למלחמה כדכתיב : וירק את חניכיו ילידי ביתו . דהיינו בני אדם שחנכן לתורה : שהפריז על מדותיו . שהרבה והגדיל להרהר על מדותיו של הקב"ה שאמר במה אדע הפריז

האט געזאגט צו אברהם גייא פאר מיר אונ זיי גאנץ . קוק ניט אויף דיא מזלות . וואס שטייט ווייטער . ווערסט דוא זיין אפאטער צוא פיל פעלקער : דוא ווערסט האבין נאך פיל קינדער אויסער ישמעאל :

יד אמר . רבי לוי האט געזאגט דער וואס האט מורא פאר יעדער זאך דריבער פרעגט ער בייא דיא וואס וייסען כישוף זייא זאלין אים זאגען . יאגט אים נאך דער כישוף . אלע שלעכטע זאכען קומען אויף אים . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק כי לא נחש ביעקב . פרעגט דיא גמרא דער לא שטייט דאך אלמ"ד מיט אאל"ף . איז דאך דער טייטש דער כישוף וועט ניט קומען אויף אים . זאגט דיא גמרא מיר לערנען דאס ניט פון אפסוק . נאר דאס איז מדה כנגד מדה . אזוי וויא ער טוהט . טוהט מען מיט אים . אזוי וויא ער יאגט נאך דעם כישוף . אזוי יאגט דער כישוף נאך אים . אהבה דער זוהן פון רבי זירא האט געלערנט . דער מענטש וואס מאכט ניט כישוף . ברייננגט מען אים פאר גאט אין אזוי אארט וואס אפילו דיא מלאכים קענען ניט קומען דארטין . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק כי לא נחש ביעקב . ווייל ביי דיא יודין איז ניטא קיין כישוף . דריבער וועט קומען אויף זייא אזוי אצייט וואס דיא מלאכים וועלין פרעגין ביי דיא יודין וואס טוהט גאט . ווייל דיא יודין וועלין זיין פאר גאט אין אזוי אארט וואס אמלאך טאר ניט קומען דארטין :

טו אמר : רבי אבהו האט געזאגט פון רבי אלעזרס וועגין . פאר וואס איז אברהם אבינו געשטראפט געווארין אז זיינע קינדער זאלין ארבעטין אין מצרים צוויי הונדערט מיט צעהן יאר : ווייל ער האט געארבעט מיט תלמידי חכמים . ער האט זייא געפירט אין דער מלחמה . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק וירק את חניכיו . ער האט געוואפינט דיא מענטשין וואס ער הט מיט זייא געלערנט תורה . וואס זענען געבארין געווארין ביי אים אין שטוב . וואס ער הט זייא מגייר געוועזן . נומערום דער וואס איז זיך מגייר איז גלייך ווי ער ווערט איצט געבארין צו זאמען איז געוועזן דריי הונדערט מיט אכטצעהן מענטשין . אונ אברהם מיט זיינע מענטשין האבין געיאגט די מלכים ביז דן : שמואל זאגט ווייל אברהם האט צוא פיל געקלערט אין דיא מדות פון גאט . ער הט געזאגט מיט וואס וועל איך וויסען אז איך וועל ירשנן ארץ ישראל . דריבער איז ער געשטראפט ווארין זיינע קינדער זאלען ארבעטין אין מצרים . רבי יוחנן זאגט ווייל ער האט אפגעשיידט

בני אדם מלבא תחת כנפי השכינה שנא' (שם יד) תן לי הנפש והרכוש קח לך. (שם) וירק את חניכיו רב ושמואל ח"א שהריקן בתורה וחד אמר שהריקן בזהב שמונה עשר ושלש מאות א"ר אמי בר אבא ואליעזר כנגד כולן וא"ר זה הוא אליעזר אליעזר בחושבנא הכי הוי. וא"ר אמי בר אבא בן ג' שנים הכיר אברהם את בוראו שנאמר (שם כו) עקב אשר שמע אברהם בקולי (שנותיו של אברהם חוץ משלשה עק"ב ב) חושבנא מאה ושבעים ותרתין וא"ר אמי בר אבא (ע"ג) השטן בחושבנא תלת מאה ושתין וארבע הוה וא"ר אמי בר אבא כתיב אברם וכתיב הוא אברהם בתחלה המליכו הקב"ה לאברהם על מאתים וארבעים ושלשה איברים ולבסוף על רמ"ח ואלו הן שתי עינים ושתי אזנים וראש הגויה:

א"ר

פירוש

בפריו יותר והפקיר: שנאמר תן לי הנפש. ואברהם אבינו נתן לו ואילו עכבן לעצמו היה מכניסן תחת כנפי השכינה: שהריקן בתורה. זרזן בתורה ובשבילו נאמר הכתוב לשון אחר הריקן מן התורה "מלשון והכות ריק שעשה בהם אנגריא: הריקן בזהב. כדכתיב בירקרק חרוץ דהיינו זהב כלומר שנתן להם זהב הרבה כדי שילכו: שנאמר עקב אשר שמע. מנין עק"ב שמע ואברהם חיה קע"ה נמצא שבן שלש הכיר את בוראו: השטן בחושבנא תלת מאה ושתין וארבע הוו. וימות החמה שס"ה הכי כן איכא חד יומא דלית ליה רשותא לשטן דהיינו יום הכפורים: המליכו. השליטו: שתי עינים ושתי אזנים. שבתחלה המליכו הקב"ה על אבריו שהם ברשותו ליזהר מעבירה אבל עיניו ואזניו של אדם אינם ברשותו שהרי על כרחו יראה בעיניו ובאזניו ישמע ולבסוף בשימול המליכו הקב"ה אפילו על אלו שלא יסתכל ולא ישמע כי אם דבר מצוה: וראש הגויה. שנימול:

מענטשין זייא זאלען זיך ניט מגייר זיין. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דער מלך פון סדום האט גזאגט צוא אברהם גיב מיר דיא מענטשין אונ דאס פאר מעגין נעם דיר; אונ אברהם האט אים גיגעבין דיא מענטשין. אונ אז ער וואלט דיא מענטשין גיהאלטין ביא זיך וואלט ער זייא דאך מגייר גיוועזין. דריבער איז ער גישטראפט גיווארין זיינע קינדער זאלין ארבעטין אין מצרים. אין פסוק שטייט וירק את חניכיו. ער האט גיוואפינט זיינע מענטשין. מיט וואס האט ער זייא גיוואפינט. קריגען אין דעם רב אונ שמואל. איינער זאגט ער האט זייא גיוואפינט מיט תורה. ווייל ער האט מיט זייא גילערנט תורה דריבער האבען זייא איין גינומען דיא מלחמה אונ איינער זאגט ער האט זייא גיוואפינט מיט גאלד. ער האט זייא גיגעבין פיל גאלד זייא זאלען גיין מיט אים אין דער מלחמה. אין פסוק שטייט אברהם האט מיט גינומען דריי הונדערט מיט אכטצעהן מענטשין. רבי אמי בר אבא זאגט אליעזר בשטייט געגין אלע דריי הונדערט מיט אכטצעהן; אנדערע זאגען דיא דריי הונדערט מיט אכטצעהן מענטשין דאס מיינט מען אליעזר. דער ווארט אליעזר בטרעפט דריי הונדערט מיט אכטצעהן: נאך האט רבי אמי בר אבא גזאגט. אברהם אבינו איז אלט גיוועזין דרייא יאהר ווען ער האט דער קענט אז עס איז דא א גאט אויף דער וועלט. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק. עקב אשר שמע אברהם בקולי. דער ווארט עקב בטרעפט הונדערט מיט צוויי אונ זיבעציג. הונדערט מיט צווייא אונ זיבעציג יאהר האט אברהם געדינט גאט. אונ אברהם האט גילעבט הונדערט מיט פינף אונ זיבעציג יאהר. האט דאך אים גיפעלט דיא ערשטע דרייא יאהר ביז ער האט דער קענט גאט. נאך האט רבי אמי בר אבא גזאגט דער ווארט השטן בטרעפט דריי הונדערט פיר אונ זעכציג. אונ אין א יאהר איז דא טעג דריי הונדערט מיט פינף אונ זעכציג. דריי הונדערט מיט פיר אונ זעכציג טעג מעג דער שטן מסרין אויף יודין. נאר איין טאג אין יאהר דאס איז יום כפור. טאר ער ניט מסרין אויף יודין. נאך האט רבי אמי בר אבא גזאגט. אמאהל שטייט אברם אונ אמאהל שטייט אברהם; אין אנהייב האט גאט גימאכט גיוועלטיגען אברהם אויף צווייא הונדערט מיט דרייא אונ פערציג גלידער זיינע. ער האט אויף זייא גיוועלטיגט זייא זאלען ניט טאהן קיין עבירה. זייא זאלין נאר גיהערין צוא דינען גאט; אברם בטרעפט צוויי הונדערט דריי אונ פערציג; דער נאך וויא ער האט זיך מל גיוועזין האט אים גאט גימאכט גיוועלטיגען אויף נאך פינף גלידער; אויף זיינע צווייא אויגין אונ אויף זיינע צוויי אויערין אונ אויף דיא מילה. אז דיא פינף גלידער זאלין אויך ניט טאהן קיין עבירה; דיא אויגען זאלען

(ג"נ) **טז א"ר** אמי בר אבא מ"ד (קהלת ט) עיר קטנה ואנשים בה מעט יבא אליה מלך גדול סבב אותה ובנה עליה מצודים גדולים עיר קטנה זה הגוף ואנשים בה מעט אלו האברים ובא אליה מלך גדול וסבב אותה זה יצה"ר ובנה עליה מצודים גדולים אלו עונות ומצא בה איש מסכן ,חכם זה יצ"ט ומלט הוא את העיר בחכמתו זו תשובה ומעשים טובים והאדם לא זכר את האיש המסכן ההוא דבשעת יצה"ר לית דמדכר ליה ליצה"ט (שם ז) החכמה תעוז לחכם זו תשובה ומעשים טובים. מעשרה שליטים אשר היו בעיר אלו ב' ידים. וב' רגלים. וב' עינים. וב' אזנים, וראש הגויה . ופה:

מעשרה שליטים. שולטים באדם שרוב מעשה האדם נעשים על ידיהם: ומלכי צדק. הוא שם בן נח: לפיכך הוציא הכהונה מאברהם. ואע"פ שאברהם מזרעו של שם לא זכי' בכהונה מחמת שם אלא מחמת עצמו וסיינ דאמרי' והוא כהן ואין זרעו כהן כלומר שלא זכה זרעו בכהונה מחמתו משום שהי נטלה מכל שאר זרעו של שם ונתנה לאברהם: נאם ה' לאדני. דאי

יז א"ר זכריה משום ר' ישמעאל בקש הקב"ה להוציא כהונה משם שנאמר (בראשית יד) ומלכי צדק מלך שלם וגו' והוא כהן לאל עליון כיון שהקדים ברכת אברהם לברכת המקום הוציאה מאברהם שנא' (שם) ויברכהו ויאמר ברוך אברם לאל עליון וגו' וברוך אל עליון וגו' א"ל אברהם וכי מקדימין ברכת עבד לברכת רבו (לפיכך הוציאה מאברהם) [מיד נתנה לאברהם] שנאמר (תהלים ק) לדוד מזמור נאם ה' לאדני וגו'

ניט זעהן וואס מען טאר ניט. און דיא אויערן זאלין ניט הערין וואס מען טאר ניט. און צוזאמען איז אכט און פערציג מיט צוויי הונדערט גלידער. און דער ווארט אברהם בטרעפט צוויא הונדערט מיט אכט און פערציג:

טז אמר. רבי אמי בר אבא האט גזאגט עס שטייט אין פסוק אקליינע שטאט און די מענטשין וואס אין איר זענען ווייניג און עס איז גיקומען צו איר אגרויסער מלך און הט איר ארומגערינגלט און ער האט גיבאהט אויף איר גרויסע פעסטונגען. אקליינע שטאט דאס מיינט מען דעם גוף. דיא מענטשין וואס אין איר זענען ווייניג. דאס מיינט מען די גלידער פון דעם גוף זענען ווייניג. און עס איז גיקומען צו איר אגרויסער מלך און הט איר ארומגערינגלט. דאס מיינט מען דעם יצר הרע וואס ער איז דער מלך אויף דעם גוף. און ער האט גיבאהט אויף איר גרויסע פעסט נגען. דאס זענען דיא עבירות וואס דער גוף האט גיטאהן. און עס איז גיפונען גיווארין אין דיא שטאט אארעמער מענטש אקלוגער. דאס מיינט מען דעם יצר טוב. וואס ער איז גיפונען גיווארין אין דעם גוף. און ער האט גירעטעט (מציל גיוועזן) דיא שטאט מיט זיין חכמה. דאס מיינט מען דער יצר טוב איז מציל דעם גוף. ווייל ער ברייננט דעם מענטשין ער זאל טאהן תשובה און מעשים טובים. און דער מענטש האט ניט גידיינקט דעם ארעם מאן: ווען דר יצר הרע קומט אויף דעם מענטשין. פר געסט ער דעם יצר טוב. שטייט אין פסוק דיא חכמה שטארקט דעם חכם. דאס מיינט מען דיא תשובה און מעשים טובים וואס דער מענטש טוהט. שטארקין דעם מענטש. מער וויא דיא צעהן גיוועלטיגער וואס זענען גיוועזן אין דיא שטאט: ווער זענען דיא צעהן גיוועלטיגער. דיא צוויי הענט. צוויי פיס. צוויי אויגן. צוויי אויערין. דיא מילה. דיא מויל:

יז אמר. רבי זכריה האט גזאגט פון רבי שמואלס וועגין. גאט האט גיוואלט שם זאל ווערין פון נח זאל זיין אכהן. אזו וויא עס שטייט אין פסוק מלכי צדק דער מלך פון שלם (ירושלים) איז גיוועזן אכהן צוא גאט. נאר ווייל ער האט גיבענשט צו אברהם פריער וויא ער הט גיבענשט צוא גאט. האט גאט צוא גינומען דיא כהונה פון שם און האט זיא גיגעבין צוא אברהם. אזו וויא עס שטייט אין פסוק ער האט אים גיבענשט און ער האט גזאגט גיבענשט זאל זיין אברהם צו גאט. און גיבענשט זאל זיין גאט. האט אברהם גזאגט צוא שם: בענשט מען דעם קנעכט פריער וויא דעם בעל הבית. האט גאט באלד גיגעבין דיא כהונה צו אברהם. אזו וויא עס

וגו' וכתיב בתריה נשבע ה' ולא ינחם אתה כהן לעולם על דברתי מלכי צדק על דבורו של מלכי צדק והיינו דכתיב (בראשית יד) והוא כהן לאל עליון הוא כהן ואין זרעו כהן:

זה דקאמר ונאם ה' כיה לאדוני דהיינו אברהם שב לימיני שהכשיתו במלחמת ד' מלכים שיושב לימין ה' כלומר שהיה בעזרו נשית אויביו הדום רגליו וכתיב בהאה מזמור אתה כהן לעולם ואברהם נקרא אדון כדאיתא בברכות למען אדני למען אברהם שקראך אדון: על דבורו של מלכי צדק. נטלה ממנו הכהונה:

אין בין המודר פרק רביעי

(דף לה ע"ב) **א איבעיא** להו הני כהני שלוחי דידן הוו או שלוחי דשמיא למאי נ"מ למודר הנאה אי אמרת שלוחי דידן הוו הא מהנו ליה ואסור ואי אמרת שלוחי דשמיא שרי מאי ת"ש דתנן וכו':

הני כהני. שמקריבין קרבנות: שלוחי דידן. דבעלי קרבנות: קא מהני ליה: שלית לכפר כפרתו והיא הדירו שלא יהנה ממנו:

(לו ע"ב) **ב פיסקא** מלמדו מדרש הלכות ואגדות ולא ילמדנו מקרא. מקרא מ"ט לא ילמדנו משום דקמהני ליה מדרש נמי קא מהני ליה אמר שמואל במקום שנוטלין שכר על המקרא ואין נוטלין שכר על המדרש מאי פסקא הא קמ"ל דאפי' במקום שנוטלין שכר על המקרא שרי למשקל על המדרש לא

שנוטלין שכר על למוד המקרא. ולהכי לא ילמדנו מקרא בחנם לזה דקמהני ליה השכר שהיה לו ליתן אבל מלמדו הלכות בחנם דלא קמהני ליה כלל: מאי פסקא. דמשמעות מתני' משמע תליא מילתא ולאו איסורא איכא אפילו למשקל שכר על המקרא תנין לה והוי לאו שפיר עבד דשקל כלל: והא קמ"ל. מתניתין: דאפילו במקום שנוטלים שכר וכו'. ולהכי לא ילמדנו מקרא דהואיל ושרי למשקל שכר אם מלמדו בחנם מהני ליה מן השכר שהיה לו

שְׁטֵייט אִין פָּסוּק לְדָוִד מִזְמוֹר נְאֻם ה' לַאדֹנִי. גָאט הָאט גִירֶעט צוּא מֵיין הַאר וָדָאס מֵיינְט מֶען צוּ אַבְרָהָם) דֶער נָאךְ שְׁטֵייט גָאט הָאט גִישְׁוואוֹרִין אוּנ עֶר וֶועט נִיט חֲרָטָה הָאבֶּען דוּא (אַבְרָהָם) וֶועסְט זַיין אַכֹּהֵן אוֹיף אֵייבִּיג ׃ עַל דִּבְרָתִי מַלְכִּי צֶדֶק. וֶועגִין דִי רֵייד פוּן מַלְכִּי צֶדֶק. וַוייל עֶר הָאט גִיבֶּענְשְׁט צוּ אַבְרָהָם פְרִיעֶר וִויא צוּ גָאט ׃ דְרִיבֶּער אִיז גִיוָוארִין אַבְרָהָם אַכֹּהֵן. דְרִיבֶּער שְׁטֵייט אִין פָּסוּק בַּיי שֵׁם וְהוּא כֹהֵן לְאֵל עֶלְיוֹן. נָאר עֶר אַלֵיין אִיז גִיוֶוען אַכֹּהֵן צוּא גָאט. אָבֶּער זַיינֶע קִינְדֶער הָאבֶּען נִיט זוֹכֶה גִיוֶוען צוּא זַיין כֹּהֲנִים דוּרְךְ אִים ׃ נָאר אַבְרָהָם אִיז גִיוָוארִין אַכֹּהֵן דוּרְךְ זַיין אֵייגֶענֶעם זכות. אוּנ דִיא קִינְדֶער פוּן אַבְרָהָם הָאבֶּען חֲכָה גִיוֶוען דִיא כְּהוּנָה פוּן דֶעם זְכוּת פוּן אַבְרָהָם.

פרק רביעי

א אִיבַּעְיָא. מֶען הָאט גִיפְרֶעגְט דִי כֹּהֲנִים וָואס זֶענִין מַקְרִיב קָרְבָּנוֹת. זֶענִין זֵיי אַשְׁלִיחַ פוּן דֶעם בַּעַל הַבַּיִת וָואס בְּרֵיינְגְט דֶעם קָרְבָּן. אָדֶער זֵייא זֶענִין שְׁלוּחִים פוּן גָאט. צוּא וָואס בַּארְפִין מִיר דָאס וִויסֶען. אַז אַכֹּהֵן הָאט גִיטָאהן אַנֶדֶר אַמֶענְטְשׁ וּלְמָשָׁל רְאוּבֵן זָאל נִיט הֲנָאָה הָאבִּין פוּן אִיהם. אוּנ דֶער רְאוּבֵן הָאט גִיבְּרַאכְט אַקָרְבָּן. אוֹיב דֶער כֹּהֵן אִיז רְאוּבֵנְס שָׁלִיחַ. טָאר נִיט דֶער כֹּהֵן מַקְרִיב זַיין דֶעם קָרְבָּן. וַוייל רְאוּבֵן הָאט דָאךְ הֲנָאָה פוּן דֶעם כֹּהֵן. עֶר אִיז מְכַפֵּר זַיינֶע עֲבֵירוֹת. אָבֶּער אַז דֶער כֹּהֵן אִיז אַשָׁלִיחַ פוּן גָאט. מֶעג עֶר מַקְרִיב זַיין דֶעם קָרְבָּן ׃

ב פִּיסְקָא. אַז רְאוּבֵן הָאט גִיטָאהן אַנֶדֶר שִׁמְעוֹן זָאל פוּן אִיהם קֵיין הֲנָאָה נִיט הָאבִּין. מֶעג רְאוּבֵן לֶערְנֶען מִיט שִׁמְעוֹן מֶדְרָשׁ אוּנ דִינִים אוּנ אַגַּדְתָּא. נָאר תנ"ך טָאר עֶר אִיהם נִיט לֶערְנֶען. פְרֶעגְט דִיא גְמָרָא פַאר וָואס טָאר עֶר נִיט לֶערְנֶען מִיט אִיהם תנ"ך. וַויל שִׁמְעוֹן הָאט הֲנָאָה פוּן רְאוּבֵן. זָאל עֶר אִיהם מֶדְרָשׁ אוֹיךְ נִיט לֶערְנֶען. וָוארוּם שִׁמְעוֹן הָאט הֲנָאָה פוּן רְאוּבֵן. הָאט שְׁמוּאֵל גִיזָאגְט דָא שְׁמוּעֶסְט אִין אַזוֹי אַשְׁטָאט וָואס מֶען נֶעמְט גִיצָאהְלְט פַאר תנ"ך לֶערְנֶען. אוּנ מֶען נֶעמְט נִיט גִיצָאהְלְט פַאר מֶדְרָשׁ לֶערְנֶען. דְרִיבֶּער אַז רְאוּבֵן לֶערְנְט מִיט שִׁמְעוֹן תנ"ך אוּמְזִיסְט. טוּהט עֶר אִיהם אַטוֹבָה. וָוארוּם אַז עֶר וָואלְט נִיט לֶערְנֶען מִיט אִיהם אוּמְזִיסְט. וָואלְט עֶר דָאךְ גִימוּזְט בֶּצָאהלִין מֶען זָאל מִיט אִיהם לֶערְנֶען תנ"ך דְרִיבֶּער טָאר מֶען נִיט ׃ אָבֶּער מֶדְרָשׁ לֶערְנֶען אַלֶע אוּמְזִיסְט. וֶוען רְאוּבֵן וָואלְט נִיט גִילֶערוּנְט מִיט אִיהם ׃ וָואלְט שִׁמְעוֹן בֶּעקוּמֶען

לא שרי למשקל מאי שנא מדרש דלא דכתיב (דברים ד) ואותי צוה ה׳ בעת ההיא (לאמר לכם) [ללמד אתכם] וכתיב (שם) ראה למדתי אתכם חקים ומשפטים כאשר צוני ה׳ מה אני בחנם אף אתם נמי בחנם מקרא נמי בחנם רב אמר שכר שימור ורבי יוחנן אמר שכר פיסוק טעמים:

(ע״ב) ג [אמר רב איקא בר אבין א״ר חננאל] אמר רב מ״ד ויקראו בספר תורת האלהים מפורש ושום שכל ויבינו במקרא. בספר תורת האלהים זה מקרא. מפורש זה תרגום. ושום שכל אלו הפסוקים. ויבינו במקרא אלו פסקי טעמים ואמרי לה אלו המסורות. א״ר יצחק מקרא סופרים ועטור סופרים וקריין ולא כתבין וכתבין ולא קריין הלכה למשה מסיני

ליתן: רב אמר. מ״ש התירו למשקל שכר מן המקרא מפני שאין נוטלים שכר אלא על שכר שימור שמשמרין התינוקות שאין מניחין אותן לצאת ולעסוק בדברים בטלים ולא שכר לימוד המקרא וקטנים דצריכין שימור לומדים מקרא ולא גדולים ולהכי לא ילמדו מקרא לקטנים בחנם דהואיל ושרי למשקל עלייהו שכר קמהני השכר שהיה לו ליתן אבל מלמדו מדרש דקטנים אין לומדים מדרש אלא לגדולים וגדולים לית להו שכר שימור ולא קמהני להו כלל ולהכי שרי: ורבי יוחנן אמר שכר פיסוק טעמים. שקיל מינייהו שמלמדו נקודות וטעמים כזאת שכר שרי למישקל ופיסוק טעמים אינו אלא במקרא ולהכי לא ילמדנו מקרא משום דקא מהני ליה שמגיה לו את השכר:

מפורש זה תרגום. דמפרש ליה למקרא: ושום שכל אלו הפסוקים. נקודות המפסיקות בין פסוק לפסוק וקרי ליה שום שכל שעל ידיהם אדם מבין המקרא כפי תנועת הטעמים כדאמרי׳ בפ״ק דחגיגה כ״מ לפסוקי טעמי: המסורות. מה שנמסר במסורה: א״ר יצחק מקרא סופרים. הקריאה שמסרו לנו הראשונים שנקראו סופרים: ועטור סופרים: תיבות יתירות שנכתבו ליפות הלשון ונקרא עטור לפי שהן מעטרות את הלשון: קריין ולא כתבין. תיבות שנקראות ואינם נכתבות: כתבין ולא קריין. שנכתבות ואינם נקראות: הלכה למשה מסיני. כך קבל משה מסיני ומסרן לישראל: מקרא

אַיין אַנְדֶערִין וָואס וָואלְט מִיט אִיהם לֶערְנֶין מֶדְרָשׁ אוּמְזִיסְט. הָאט דָאךְ רְאוּבֵן אִיהם קֵיין טוֹבָה נִיט גִיטָאהן. דְרִיבֶּער מֶעג מֶען. פְרֶעגְט דִיא גְמָרָא פַאר וָואס שְׁמוּעֶסְט דִיא מִשְׁנָה נָאר פוּן אַזוֹי אַאָרְט וָואס מֶען גֶעמְט גִיצָאהלְט פַאר תנ״ךְ לֶערְנֶען אוּנ מֶען גֶעמְט נִיט קֵיין גִיצָאהלְט פַאר מֶדְרָשׁ לֶערְנֶען. זָאל דִיא מִשְׁנָה שְׁמוּעֶסִין פוּן פַאר קֶערְט וְוא מֶען גֶעמְט גִיצָאהלְט פַאר מֶדְרָשׁ לֶערְנֶען אוּנ מֶען גֶעמְט נִיט גִיצָאהלְט פַאר תנ״ךְ לֶערְנֶען. עֶנְטְפֶערְט דִיא גְמָרָא דִיא מִשְׁנָה לֶערוּנְט אוּנְז אַדִין: אֲפִילוּ וְוא מֶען גֶעמְט גִיצָאהלְט פַאר לֶערְנֶען: פַאר תנ״ךְ לֶערְנֶען מֶעג מֶען גֶעמֶען גִיצָאהלְט. אָבֶער פַאר מֶדְרָשׁ לֶערְנֶען טָאר מֶען נִיט גֶעמֶען גִיצָאהלְט. פְרֶעגְט דִיא גְמָרָא פַאר וָואס טָאר מֶען נִיט גֶעמֶען גִיצָאהלְט פַאר מֶדְרָשׁ לֶערְנֶען: וָוארוּם עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גִיזָאגְט מִיךְ הָאט גָאט גִיבָּאטִין אִין דֶער צַייט אִיךְ זָאל מִיט אַייךְ לֶערְנֶען. נָאךְ אַפָּסוּק שְׁטֵייט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גִיזָאגְט צוּ דִיא יוּדִין זֶעהְט אִיךְ לֶערִין מִיט אַייךְ חֻקִּים אוּנ מִשְׁפָּטִים אַזוֹי וְוי גָאט הָאט מִיךְ גִיבָּאטִין: אַזוֹי וְויא גָאט הָאט מִיךְ גִיבָּאטִין. אַזוֹי וְוי אִיךְ לֶערִין מִיט אַייךְ אוּמְזִיסְט. אַזוֹי זָאלְט אִיהר לֶערְנֶען אֵיינֶער מִיט דֶעם אַנְדֶערִין אוֹיךְ אוּמְזִיסְט. דַארְף מֶען דָאךְ תנ״ךְ אוֹיךְ לֶערְנֶען אוּמְזִיסְט. רַב זָאגְט דֶער וָואס לֶערוּנְט תנ״ךְ לֶערוּנְט עֶר דָאךְ מִיט קְלֵיינֶע קִינְדֶער. גֶעמְט עֶר גָאר נִיט קֵיין שְׂכַר פַאר דֶעם לֶערְנֶען: נָאר ווייל עֶר הִיט דִיא קִינְדֶער זֵייא זָאלִין נִיט אַרוּמְלוֹיפִין אוּנ זָאלִין נִיט פַאר בְּרֵיינְגֶען דֶעם טָאג מִיט נַארֶעשְׁקֵייט. אָבֶער דֶער וָואס לֶערוּנְט מֶדְרָשׁ לֶערוּנְט עֶר דָאךְ מִיט גְרוֹיסֶע מֶענְטְשִׁין: וָואס מֶען דַארְף זֵיי נִיט הִיטֶען: טָאר עֶר נִיט גֶעמֶען קֵיין גִיצָאהלְט. רַבִּי יוֹחָנָן זָאגְט דֶער וָואס לֶערוּנְט תנ״ךְ מִיט קִינְדֶער. גֶעמְט עֶר נִיט שְׂכַר פַאר דֶעם לֶערְנֶען תנ״ךְ נָאר עֶר גֶעמְט שְׂכַר פַאר דֶעם וָואס עֶר לֶערוּנְט מִיט זֵייא דִיא נְקוּדוֹת אוּנ דִי נְגִינוֹת. אָבֶער בַּיי מֶדְרָשׁ אִיז דָאךְ נִיטָא קֵיין נְקוּדוֹת אוּנ נִיט קֵיין נְגִינוֹת. דְרִיבֶּער טָאר מֶען נִיט גֶעמֶען גִיצָאהלְט פַר מֶדְרָשׁ לֶערְנֶען:

ג אָמַר: רַב אִיקָא בַּר אָבִין הָאט גִזָאגְט רַב חֲנַנְאֵל הָאט גִזָאגְט פוּן רַבְ׳ם וֶועגִין: עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק זֵייא הָאבֶען גִילֵייעֶנְט אִין דֶער סֵפֶר תּוֹרָה פוּן גָאט מְפוֹרָשׁ וְשׂוֹם שֶׂכֶל וַיָּבִינוּ בַּמִּקְרָא. אִין דֶער סֵפֶר תּוֹרָה הָאבֶען זֵייא גִילֵייעֶנְט דִיא פְּסוּקִים: מְפוֹרָשׁ מֵיינְט מֶען תַּרְגוּם. וְשׂוֹם שֶׂכֶל מֵיינְט מֶען דִיא פְּסוּקִים. וָוארוּם מֶען דַארְף וִויסֶען מִיט חָכְמָה בַּיי וֶועלְכִין וָוא״ט דַרְף אָפּ צוּא שְׁטֶעלִין. וַיָּבִינוּ בַּמִּקְרָא מֵיינְט מֶען דִי נְגִינוֹת. וָוארוּם דוּרְךְ דֶער נְגִינָה פַאר שְׁטֵייט מֶען דֶעם פְּשַׁט פוּן פָּסוּק. אַנְדֶערֶע זָאגֶען דָאס מֵיינְט מֶען דִיא אִיבֶּער עֶנְטְפֶערוּנְג. וָואס גָאט הָאט גִזָאגְט

סימני מקרא סופרים ארץ ארץ שמים מצרים. עטור סופרים (בראשית יח) אחר תעבורו (שם כד) אחר (תלכו) [תלך] (במדבר לא) אחר תאסף (תהלים סח) קדמו שרים אחר נוגנים (שם לו) צדקתך כהררי אל משפטיך תהום רבה קריין ולא כתבין (ש"ב ח) **פרת דבלכתו** (שם יז) **איש דכאשר ישאל** (ירמיה לא) **באים דונבנתה** (שם נ) **לה דפליטה**, (רות ג) **את דהוגד הוגד**. (שם ג) **אלי דהגורן.** (שם) **אלי דהשעורים** הלין קריין ולא כתבין. **כתבין ולא קריין.** (מ"ב ה) **נא דיסלח** (דף לח) (דברים ו) **זאת דהמצוה.** (ירמיה נא) **ידרוך דהדורך** (יחזקאל מח) **חמש דפאת נגב** (רות ג) **אם דכי גואל** הלין כתבין ולא קריין

אמר

מקרא סופרים ארץ ארץ. כשיש בו אתנחתא נקרא בקמ"ץ: **שמים מצרים.** אע"פ שאין בהם אל"ף קריאה כאילו היתה בהם: **עטור סופרים אחר תעבורו אחר תלך אחר תאסף קדמו שרים אחר נוגנים.** כל הני אחר מיותרין הם ואינם אלא לתפארת הלשון דהוה ליה למכתב סעדו ותעברו תשגר שבעת ימים ותאסף קדמו שרים ונוגנים אלא שהגו לתפארת הלשון: **צדקתך כהררי אל.** הוה ליה למיכתב צדקתך הררי אל כדכתיב משפטיך תהום רבה לומר שההרים הרמים כלומר המנוחים צריכין לצדקת ה' אלא שכתב שהררי אל לתפארת הלשון ובדברי מורי ראיתי דעטור סופרים היינו שהובן טעם מפסיק באחר כי היכי דלישתמע אח"כ (תלכו) [תלך] אח"כ תעבורו אח"כ האסף קדמו שרים ואח"כ נוגנים צדקתך כהררי נפסק בטעם שהררי מתנת אל לומר במלת אל הפוכה כאילו היתה בתחלת הפסוק ופירושו אל צדקתך עליה כהרים שהם גלויים ואלמלא הפסק היה נשמע אחר שהלכו אחר שתעבורו אחר שתאסף קדמו שרים אחר הנוגנים שהנוגנים קדמו להם צדקתך כהרים של אל וקרי ליה עיטור סופרים משום דמיעטרי ליה למלתא בטעם הקריאה: **קריין ולא כתבין פרת דבלכתו.** בשמואל הוא להשיב ידו בנהר פרת פרת קרי ולא כתיב: **איש דכאשר ישאל.** בשמואל נמי הוא גבי אחיתופל כאשר ישאל איש בדבר אלהים איש קרי ולא כתיב: **באים דונבנתה.** בירמיהו [הוא] הנה ימים באים נאם ה' ונבנתה העיר וגו' באים קרי ולא כתיב: **לה דפליטה.** בסוף ירמיה בנבואת בבל אל יהי לה פליטה לה קרי ולא כתיב: **את דהגד הוגד.** ברות ויען בועז ויאמר לה הוגד הוגד לי את אשר עשית את חמותך האי את קרי ולא כתיב מיהו בספרים שלנו קרי וכתיב ואף במסורה לא מדכר ליה בהנך דקריין ולא כתבין: **אלי דהגורן.** ברות נמי הוא והאמר אליה כל אשר תאמרי אלי אעשה והפסוק שאחריו ותרד הגורן ותעש ככל אשר צותה חמותה וקרי ליה אלי דהגורן אע"ג דהאי קרא ליכא הגורן כיון דסמיך ליה בפסוק דלאחריו: **אלי דהשעורים.** ברות נמי הוא והאמר שש השעורים האלה נתן לי כי אמר אלי [אלי] קרי ולא כתיב: **כתבין ולא קריין נא דיסלח.** במלכים בהשתחויתי בית רמון יסלח נא ה' לעבדך כתיב נא ולא קרי: **זאת דהמצוה.** בסדר ואתחנן כך מצאתי כתוב ולא נמצא בספרים שלנו: **ידרוך דהדורך.** בסוף ירמיה ידרוך הדורך את קשתו ידרוך שני כתיב ולא קרי: **חמש דפאת נגב.** בסוף יחזקאל ואלה מדותיה וגו' חמש ה' מאות וארבעת אלפים חמש שני כתיב ולא קרי: **אם דכי גואל.** ברות ועתה כי אמנם כי אם גואל אנכי האי אם כתיב ולא קרי ובמסורה חשיב כל הני ושפי עליהם אהגיה

צו משה רבינו אויס מיינט וויא מען זאל לייענען דיא פסוקים: רבי יצחק האט געזאגט מקרא סופרים. דאס לייענונג פון דיא פסוקים וואס מען האט אונז איבער געגעבען. וויא אזוי מען זאל דעם פסוק לייענען. ועטור סופרים. אונ דיא איבעריגע ווערטער וואס שטייען אין די ספר תורה צו בשיינען דעם לשון פון פסוק. אונ דיא ווערטער וואס זענען ניט געשריבען אין דיא ספר תורה נאר מען לייענט זייא אויס ווייניג. אונ דיא ווערטער וואס זענען געשריבען אין דיא ספר תורה אונ מען לייענט זייא ניט. דאס אליץ האט גאט גיזאגט צוא משה רבינו אויף דעם בארג סיני. מקרא סופרים מיינט מען ארץ ארץ. שמים שמים. מצרים מצרים. עטור סופרים מיינט מען למשל אחר תעבורו אחר תלך אחר תאסף שרים אחר נוגנים. דיא אלע אחר זענען איבעריג. זייא שטייען נאר צו פאר שענערין דעם לשון פון פסוק. אדער עס שטייט צדקתך כהררי אל. איז דער כ"ף איבעריג: עס דארף שטיין צדקתך הררי אל. אזוי וויא עס שטייט ווייטער משפטיך תהום רבה. אונ עס שטייט ניט כתהום. דאס זענען דיא ווערטער וואס זענען ניט געשריבען אונ זייא ווערין גילייענט. מען לייענט בלכתו להשיב ידו בנהר פרת. אונ עס שטייט ניט דער ווארט פרת. מען לייענט כאשר ישאל איש. אונ עס שטייט ניט דער ווארט איש. מען לייענט הנה ימים באים. אונ עס שטייט ניט דער ווארט באים. מען לייענט אל יהי לה פליטה. אונ עס שטייט ניט דער ווארט לה. מען לייענט הוגד הוגד לי את אשר עשית. אונ עס שטייט ניט דער ווארט את. מען לייענט כל אשר תאמרי אלי. אונ עס שטייט ניט דער ווארט אלי. מען לייענט כי אמר אלי. אונ עס שטייט ניט דער ווארט אלי. דאס זענען דיא ווערטער וואס זענען געשריבען אונ מען לייענט זייא ניט. עס שטייט אין פסוק יסלח נא ה'. אונ מען לייענט ניט דעם ווארט נא. עס שטייט אין פסוק המצוה הזאת. אונ מען לייענט ניט דעם ווארט הזאת. עס שטייט אין פסוק. דרוך. ידרוך הדורך. אונ מען לייענט ניט דעם אנדערין ידרוך. עס שטייט אין פסוק חמש חמש מאוה. אונ מען לייענט ניט דעם אנדערין חמש. עס

אמר רב אחא בר אדא במערבא פסקי ליה להאי קרא לתלת פסוקי (שמות יט) ויאמר ה' אל משה הנה אנכי בא אליך בעב הענן:

ד א"ר חמא בר חנינא לא העשיר משה אלא מפסולתן של לוחות שנא' (שמות לד) פסל לך פסולתן יהא שלך. א"ר יוסי בר חנינא בתחלה לא נתנה תורה אלא למשה ולזרעו שנאמר (שם) כתב לך פסל לך מה פסולתן שלך יהא אף כתיבתן שלך יהא ומשה נהג בה טובת עין ונתנה לישראל ועליו הכתוב אומר (משלי כב) טוב עין הוא יבורך כי נתן מלחמו לדל מתיב רב חסדא (דברים ד) ואותי צוה ה' בעת ההיא ללמד אתכם חקים ומשפטים אותי צוה ואני לכם (שם) ראה למדתי אתכם חקים ומשפטים באשר צוני ה' אלהי. אותי צוה ואני לכם. (שם לא) ועתה כתבו לכם את השירה הזאת השירה לחודה (שם) למען תהיה לי השירה הזאת לעד בבני ישראל אלא פלפולא בעלמא:

א"ר

אתריני מיהו לא חשיב (את) [זאת] דשמות אלא (את) [זאת] דהנפש דכתיב בירמיה גבי צדקיהו חי ה' אשר עשה לנו את הנפש הזאת:
פסל לך שלך יהא. ושל הספירין היו: טוב עין הוא יבורך. זה משה דכתיב ביה כי טוב הוא: כי נתן מלחמו לדל. אין לחם אלא תורה דכתיב לכו לחמו בלחמי ואין דל אלא ישראל שנאמר וידל ישראל עד מאד: מתיב רב חסדא ואותי צוה ה' בעת ההיא ללמד אתכם. אלמא דהשם צוהו ללמד את ישראל ומפרקינן: ואני לכם. וקרא ה"ק ואותי צוה ה' ואני נתתי את לבי ללמד אתכם חקים ומשפטים: למען תהיה לי השירה הזאת לעד. ואי שירה לבדה קאמר מאי סהדותא איכא: פלפולא בעלמא. נתן לו למשה והוא נהג בו טובת עין לישראל:

שְׁטֵייט אִין פָּסוּק כִּי אִם גּוֹאֵל אָנֹכִי. אוּנ מֶען לֵייעֶנְט נִיט דֶעם וָוארְט אִם. דִיא וֶוערְטֶער וֶוערִין גֶעשְׁרִיבֶּען אוּנ נִיט גִילֵייעֶנְט. רַב אַחָא בַּר אַדָא זָאגְט אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל טֵיילְט מֶען דֶעם פָּסוּק אוֹיף דְרַיי טֵייל. וַיֹּאמֶר ה' אֶל מֹשֶׁה. הִנֵּה אָנֹכִי בָּא אֵלֶיךָ: בְּעַב הֶעָנָן:

ד אָמַר. רַבִּי חָמָא בַּר חֲנִינָא הָט גֶזָאגְט משֶׁה רַבֵּינוּ אִיז רַייךְ גִיוָוארִין פוּן דִי שְׁטִיקְלַאךְ שְׁטֵיינֶער וָואס עֶר הָאט אָפּ גִיהַאקְט פוּן דִיא לוּחוֹת. וְדִיא עֲשֶׂרֶת הַדִּבְּרוֹת זֶענֶען דָאךְ גִישְׁרִיבֶּן גִיוָוארִין אוֹיף צְוֶוייא שְׁטֵיינֶער טַייעֶרֶע. הָאט משֶׁה אַרוּם גִיהַאקְט דִיא שְׁפִּיצֶען פוּן דִיא שְׁטֵיינֶער צוּ פַאר גְלַייכֶען זֵייא. אוּנ פוּן דִיא שְׁטִיקְלַאךְ אִיז עֶר רַייךְ גִיוָוארִין. אַזוֹי וִויא עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק גָאט הָאט גְזָאגְט צוּא משֶׁה פְּסָל לְךָ. דִיא שְׁטִיקְלַאךְ שְׁטֵיינֶער וָואס דוּא וֶועסְט אָפּ הַאקִין זָאלִין זַיין דַיינֶע. רַבִּי יוֹסִי בַּר חֲנִינָא הָאט גְזָאגְט אִין אָנְהֵייבּ אִיז דִיא תּוֹרָה גִיגֶעבִּין גִיוָוארִין נָאר צוּ משֶׁה אוּנ צוּא זַיינֶע קִינְדֶער. אַזוֹי וִויא עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק כְּתָב לְךָ פְּסָל לְךָ. שְׁרַייבּ פַאר דִיר אוּנ הַאק אַרוּם דֶעם שְׁטֵיין פַאר דִיר. אַזוֹי וִויא דִיא שְׁטִיקְלַאךְ שְׁטֵיינֶער וָואס דוּא וֶועסְט אַרוּם הַאקִין וֶועט זַיין דַיינֶע. אַזוֹי דִיא עֲשֶׂרֶת הַדִּבְּרוֹת וָואס וֶועט זַיין גֶעשְׁרִיבֶּען אוֹיף דִיא שְׁטֵיינֶער וֶועלִין אוֹיךְ זַיין דַיינֶע. נָאר וַוייל משֶׁה אִיז גִיוֶוען אַגוּטֶער הָאט עֶר גִיגֶעבִּין דִיא תּוֹרָה צוּא דִי יוּדִין. אוֹיף אִים זָאגְט דֶער פָּסוּק דֶער וָואס הָאט אַגוּטֶע אוֹיג זָאל עֶר זַיין גִיבֶּענְשְׁט (דָאס אִיז משֶׁה) וַוייל עֶר הָאט גִיגֶעבִּין פוּן זַיין בְּרוֹיט צוּם אָרֶעם מַאן. בְּרוֹיט מֵיינְט מֶען תּוֹרָה. אוּנ אָרֶעם מֵיינְט מֶען יוּדִין. משֶׁה הָאט גִיגֶעבִּין זַיין תּוֹרָה צוּא דִיא יוּדִין. הָאט רַב חִסְדָא גִיפְרֶעגְט עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק משֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גִיזָאגְט מִיךְ הָאט גָאט גִיבָּאטִין אִין דֶער צַייט אִיךְ זָאל אַייךְ לֶערְנֶען חֻקִּים אוּנ מִשְׁפָּטִים. זֶעהְן מִיר דָאךְ אַז גָאט הָאט גִיבָּאטִין צוּא משֶׁה עֶר זָאל לֶערְנֶען דִיא תּוֹרָה צוּא דִיא יוּדִין. עֶנְפֶערְט דִיא גְמָרָא אַזוֹי הָאט משֶׁה גִיזָאגְט. גָאט הָאט מִיךְ גִיבָּאטִין. אוּנ אִיךְ לֶערִין דִיא תּוֹרָה מִיט אַייךְ: פְרֶעגְט דִיא גְמָרָא עֶס שְׁטֵייט דָאךְ אִין פָּסוּק משֶׁה הָאט גִיזָאגְט זֶעהט אִיךְ הָאבּ אַייךְ גִילֶערוּנְט חוּקִים אוּנ מִשְׁפָּטִים אַזוֹי וִויא גָאט הָאט מִיךְ גִיבָּאטִין. עֶנְפֶערְט דִיא גְמָרָא אַזוֹי מֵיינְט מֶען גָאט הָאט מִיךְ גִיבָּאטִין. אוּנ אִיךְ לֶערִין מִיט אַייךְ. פְרֶעגְט דִיא גְמָרָא עֶס שְׁטֵייט דָאךְ אִין פָּסוּק אוּנ אִיצְט שְׁרַייבְּט צוּא אַייךְ דִיא שִׁירָה. עֶנְפֶערְט דִיא גְמָרָא נָאר דִיא שִׁירָה פוּן הַאֲזִינוּ הָט גָאט גִיבָּאטִין צוּא דִיא יוּדִין זֵייא זָאלִין שְׁרַייבִּין. אָבֶּער דִיא גַאנְצֶע תּוֹרָה אִיז נָאר גִיגֶעבִּין גִיוָוארִין צוּא משֶׁה. פְרֶעגְט דִיא גְמָרָא עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק דִיא שִׁירָה זָאל זַיין אַעֵדוּת בַּיי דִיא יוּדִין. אַז מִיר וֶועלִין זָאגִין דִיא תּוֹרָה אִיז צוּ דִי יוּדִין נִיט

אין הקב"ה משרה שכינתו. בקביעות: עשר אמות ארך הקרש. אלמא משה גבוה עשר אמות היה וכיון שהיה גדול כל כך מסתמא גבור היה: דאריך וקטין. אריך בקומה וקטן בכח: חוץ מאחד. ידיעת השם יתעלה על אמתתו כדכתיב ותחסרהו מעט מאלהים:

ה א"ר יוחנן אין הקב"ה משרה שכינתו אלא על גבור ועשיר וחכם ועניו וכולם ממשה. גבור דכתיב (שמות מ) ויפרוש את האהל על המשכן ואמר רב משה רבינו פרשו וכתיב (שם כו) עשר אמות ארך הקרש וגו' ואימא דאריך וקטין אלא מן הדין קרא דכתיב (דברים ט) ואתפוש בשני הלוחות ואשליכם מעל שתי ידי ואשברם (לעיניכם) ותניא הלוחות ארכן ששה ורחבן ששה ועביין (ששה) [שלשה] עשיר דכתיב (שמות לד) פסל פסולתן שלך יהא. חכם רב ושמואל דאמרי תרווייהו חמשים שערי בינה נבראו בעולם וכולם נתנו למשה חוץ מאחד דכתיב (תהלים ח) ותחסרהו מעט מאלהים (וכבוד והדר תעטרהו). עניו דכתיב (במדבר יב) והאיש משה ענו מאד (מכל האדם אשר על פני האדמה):

ו א"ר יוחנן כל הנביאים כולם עשירים היו מנ"ל ממשה ומשמואל ומעמוס ומיונה. ממשה דכתיב

גיבּאטין גיוואָרין · אויף וואס זאל דיא שירה זיין אַעדות : נאָר זאָגט דיא גמרא די דינים פון די תורה איז טאַקי גיבּאָטין גיוואָרין צוא אַלע יודין · נאָר דיא חכמה פון דיא תורה איז גיגעבּין גיוואָרין צו משה אַליין. אונ משה האָט דאָך גיגעבּין צו די יודין :

ה אָמַר · רַבִּי יוֹחָנָן האָט גזאָגט גאָט מאַכט ניט רוהען זיין שכינה נאָר אויף אַזו אַמענטשין וואס ער איז שטאַרק אונ רייך אונ קלוג אונ איז נידעריג בּיי זיך · דאָס אַלין לערנען מיר פון משה. פון וואַנען ווייסען מיר אַז משה איז גיוועזן אַשטאַרקער · וואָרום עס שטייט אין פסוק ער האָט פאַר שפּרייט דיא יריעות (דיא פלאַכטעס) אויף דעם משכּן · ווער האָט פאַר שפּרייט : האָט רב גזאָגט משה אַליין האָט פאַר שפּרייט. אונ עס שטייט אין פסוק דיא לייגּ פון אַברעט איז גיוועזן צעהן איילין · אונ אַז דיא בּרעט איז גישטאַנען איז גיוועזן דיא הייך צעהן איילין · איז דאָך דיא הייך פון משכּן גיוועזן צעהן איילין. אונ אַז משה האָט גיקענט אַליין אַרויף לייגין דיא יריעות אויף דעם משכּן איז דאָך משה גיוועזן הויך צעהן איילין · געווים וויא הויך ער איז גיוועזן אַזוי שטאַרק איז ער גיוועזן · פרעגט דיא גמרא טאָמער איז משה גיוועזן הויך אונ שמאָל · אונ ער איז גיוועזן שוואַך אין כח · זאָגט דיא גמרא פון דעם פסוק ווייסען מיר אַז משה איז גיוועזן שטאַרק · וואָרום עס שטייט זיין פסוק משה האָט גזאָגט איך האָב אָן גינומען דיא צוויא לוחות אונ האָב זייא אַוועק גיוואָרפען פון מיינע בּיידע הענט : אונ האָב זייא צוא בּראָכין · אונ מיר האָבּין גילערנט דיא לוחות זענען גיוועזן לאַנג זעקס טפחים. אונ בּרייט אויך זעקס טפחים · אונ גראָב דריי טפחים : אונ אַז משה האָט גיקענט צו בּרעכין מיט דיא הענט אַזוי אַשטיין : איז ער גיוועזן אַשטאַרקער · פון וואַנען ווייסען מיר אַז משה איז גיוועזן רייך : וואָרום עס שטייט אין פסוק פּסל לך · וואס דוא וועסט אַרום האַקין פון די לוחות זאל זיין דיינע. אונ פון דעם איז משה רייך גיוואָרין · (וויא פריער שטייט). פון וואַנען ווייסין מיר אַז משה איז גיוועזן אַחכם · וואָרום רב אונ שמואל זאָגין בּיידע פופציג טויערין פון חכמה איז בּשאַפין גיוואָרין אויף דער וועלט · אונ אַלע זענען גיגעבין גיוואָרין צוא משה · נאָר איין טויער ניט · צוא וויסען ריכטיג וואס גאָט איז : דאָס האָט ער ניט גיוואוסט אַזוי וויא עס שטייט אין פסוק דוד המלך האָט גזאָגט פאַר גאָט · דוא האָסט משה רבינו אַביסעל ווייניגער גימאַכט · די גאָטליכקייט (וואס גאָט איז) דאָס האָסטו אים ניט גזאָגט · פון וואַנען ווייסין מיר אַז משה איז גיוועזן בּייא זיך נידעריג · וואָרום עס שטייט אין פסוק דער מענטש משה איז גיוועזן בּייא זיך זייער נידעריג :

ו אָמַר : רַבִּי יוֹחָנָן האָט גזאָגט אַלע נביאים זענען גיוועזן רייך · דאָס ווייסין מיר פון משה אונ פון שמואל אונ פון עמוס אונ פון יונה · פון וואַנען ווייסען מיר אַז משה איז רייך גיוועזן ·

דכתיב (במדבר טז) לא חמור אחד מהם נשאתי אי בלא אגרא לאפוקי מאן דשקיל בלא אגרא אלא אפילו באגרא ודלמא משום דעני הוה אלא מפסל לך פסולתן שלך יהא. משמואל דכתיב (ש"א יב) הנני ענו בי נגד ה' ונגד משיחו את שור מי לקחתי וחמור מי לקחתי וגו' אי בחנם לאפוקי מאן דשקיל בלא אגרא אלא דאפילו בשכר ודלמא משום דעני הוה אלא מהכא (שם ז) ותשובתו הרמתה כי שם ביתו (ושם שפט את ישראל ויבן שם מזבח לה') ואמר רבא כל מקום שהלך שם ביתו עמו. אמר רבא גדול האמור בשמואל ממה שנאמר במשה דאילו במשה כתיב לא חמור אחד מהם נשאתי דאפי' בשכר ואילו גבי שמואל אפילו ברצון לא (שכר) [שכרו] דכתיב (שם יב) ויאמרו לא עשקתנו ולא

לאפוקי מאן דשקיל בלא אגרא. וכי משתבח ביה שלא נטל בלא שכר דלא הוה גזלן כולי עלמא נמי לאו גזלנין נינהו: אלא אפילו באגרא. שלא היה נהנה משל אחרים: דלמא. האי דלא שקיל אפילו באגרא לאו משום עושר דלמא משום דעני הוה ולא הוה ליה משאות ולהכי לא הוה צריך: אלא מהכא. שמעינן דעשיר הוי מפסל לך: ביתו עמו. כלי תשמישו וזה היה דרך עושר: לא חמור אחד מהם נשאתי. בעל כרחו אפילו בשכר [לא ברצון בעלים היה שוכר ואילו גבי שמואל וכו': לא עשקתנו ולא רצותנו. שלא היה שוכר לא באונס ולא ברצון]: אפי' ברצון. דזימנין מתרצי משום כסופא ולא ניחא להו:

וגני

אזוי וויא עס שטייט אין פָּסוק משה האט גיזאגט איך האב איין אייזיל ניט גינומען פון די יודין: וויא האט משה גימיינט. אויב ער האט גימיינט ער האט ניט גינומען פון קיינעם אַאייזיל אָן געלט. ווארום ווער נעמט דען יא אָן געלט. אַגַזְלָן: האט זיך משה גידאַרפט בַּרימען אַז ער איז ניט קיין גַזְלָן: נאר ער האט גימיינט אַפילו פאר געלט האט ער אויך ניט גינומען. ווייל ער האט ניט גידאַרפט נעמען בַּיי קיינעם ווארום ער האט גיהאט אייגענע אייזלען. פרעגט דיא גְמָרָא טאמער האט ער ניט גינומען בַּיי קיינעם קיין אייזיל. ווייל ער האט ניט גידאַרפט קיין אייזיל. ווארום ער איז גיוועזען אָרעם. ער האט ניט גיהאט וואס צוא לייגין אויף דעם אייזיל. נאר פון דאנען ווייסין מיר אַז משה איז רייך גיוועזען. ווייל גאט האט צוא אים גיזאגט פְּסָל לְךָ. וואס דוא וועסט אַרום האקין פון דיא לוחות זאל זיין דיינע: (וויא פריער איז גישטאַנען). פון וואַנען ווייסין מיר אַז שמואל הַנָבִיא איז גיוועזען רייך. ווארום עס שטייט אין פָּסוק שמואל האט גיזאגט צוא דיא יודין זאגט מיר געגין גאט אונ געגין זיין גיזאַלבּטין מֶלֶךְ וועמעס אָקס האב איך גינומען. אונ וועמעס אייזיל האב איך גינומען. וויא האט שמואל גימיינט. אויב ער האט גימיינט. ער האט ניט גינומען פון קיינעם אַאָקס אָדער אַאייזיל אָן געלט. ווארום ווער נעמט דען יא אָן געלט. אַגַזְלָן: האט זיך שמואל גידאַרפט בַּרימען אַז ער איז ניט קיין גַזְלָן. נאר ער האט גימיינט אַפילו פאר געלט האט ער אויך ניט גינומען. ווייל ער האט ניט גידאַרפט נעמען בַּייא קיינעם ווארום ער האט גיהאט אייגענע בְּהֵמוֹת. פרעגט דיא גְמָרָא טאמער האט ער ניט גינומען בַּיי קיינעם קיין אָקס קיין אייזל. ווייל ער האט ניט גידאַרפט. ווארום ער איז גיוועזען אָרעם. ער האט ניט גיהאט וואס צוא אַרבּעטין מיט דעם אָקס אונ האט ניט גיהאט וואס צוא לייגין אויף דעם אייזיל. נאר פון דאנען ווייסין מיר אַז שמואל איז רייך גיוועזען. עס שטייט אין פָּסוק שמואל פלעגט גיין אין אַלע שטעט וואו יודין וואוינען. אונ ווער עס האט גיהאט צוא פרעגין אַשאלה אַדין תוֹרָה פלעגט ער זייא פַּסְקִנְ'ן דעם דין. אונ פלעגט צוריק קערין אין הָרָמָה. ווארום דָארט איז גיוועזען זיין הֵיים. האט רָבָא גיזאגט ניט דער פָּסוק מיינט צו דער ציילין אַז אין הָרָמָה איז גיוועזען זיין הֵיים. נאר אַזוי מיינט דער פָּסוק וואו שמואל איז גיגאַנגען דָארט איז גיוועזען זיין הֵיים: ווארום אַלע זאכען וואס אַמענטש דארף אַז ער איז אין דער הֵיים. האט ער גינומען מיט זיך אין וועג. ער זאל ניט דאַרפין בּארגין בַּיי קיינעם קיין זאך ווייל ער איז גיוועזען רייך. רָבָא האט גיזאגט בַּיי שמואל שטייט נאך מער וויא בַּיי משה. בַּיי משה שטייט איך האב בַּייא קיינעם ניט גינומען אַפילו איין אייזיל: אַפילו פאר געלט האב איך אויך ניט גינומען. (איך האב קיינעם ניט גינייט ער זאל מיר פאר קויפען אָדער פאר דינגען זיין אייזיל. אָבער אַז דער יוד וואלט מיט זיין גוטען ווילען וועלין פאר דינגען. וואלט משה גידונגען): אונ בַּיי שמואל

ובני אדם מבקרים אותם. והיינו דכתיב ופקודת כל האדם יפקד עליהם: לא ה' שלחני לזה. לפי שהיו עדת קרח מלעיגים עליו ואומרים שהיה משה אומר להם מדעתו כלא צווי של מקום: והם נאו

ולא רצותנו ולא לקחת מיד איש מאומה. עמוס דכתיב (עמוס ז) ויען עמוס ויאמר אל אמציה לא נביא אנכי ולא בן נביא אנכי כי בוקר אנכי ובולס שקמים. ומתרגם רב יוסף ארי מרי גיתי אנא ושקמין אית לי בשפילתא. יונה דכתיב (יונה א) ויתן שכרה וירד בה לבא עמהם תרשישה מלפני ה' ואמר רבי יוחנן שנתן שכרה של ספינה כולה ואמר רוכנוס שכרה של ספינה הוה ארבעת אלפים דינרי זהב:

ז ואמר רבי יוחנן בתחלה היה משה למד תורה ומשכחה עד שניתנה לו במתנה שנאמר (שמות לא) ויתן אל משה ככלותו לדבר אתו בהר סיני שני לוחות העדות כתובים באצבע אלהים: (דף לט ע"ב) א"ר שמעון בן לקיש רמז לבקור חולים מן התורה מנין דכתיב (במדבר טז) אם כמות כל האדם ימותון אלה ופקודת כל האדם יפקד עליהם לא ה' שלחני מאי משמע אמר רבא אם כמות כל האדם ימותון אלה שהם חולים ומוטלים על מטותם ובני אדם מבקרים אותם מה הבריות אומרים לא ה' (שלחו) [שלחני] לזה. דרש רבא מאי דכתיב (שם) ואם בריאה יברא ה' אם בריאה גיהנם מוטב

איז געוועזן אפילו דער יוד האט געוואלט מיט זיין גוטען ווילען פאר דינגען. האט ער אויך ניט געוואלט דינגען: ווארום עס שטייט אין פסוק דיא יודין האבין געזאגט לא עשקתנו: דו האסט אונז ניט גירויבט. דוא האסט אונז ניט גינייט מיר זאלין דיר אזאך פאר קויפען אדער פאר דינגען. ולא רצותנו. אונ אפילו ווען מיר האבין געוואלט מיט אונזער גוטען ווילען דוא זאלסט ביי אונז אזאך קויפען אדער דינגען. האסטו אויך ניט געוואלט. פרעגט דיא גמרא פון וואנען ווייסין מיר אז עמוס איז רייך געוועזן. ווארום עס שטייט אין פסוק עמוס האט געזאגט צוא אמציה איך בין ניט קיין נביא אונ איך בין ניט אזוהן פון א נביא. כי בוקר אנכי ובולס שקמים: האט רב יוסף גיטייטשט בוקר אנכי: איך בין א בעל הבית וואס איך האב פיל בהמות. אונ בולס שקמים. אונ איך האב אין טאהל זייער פיל שקמים בוימער. איז ער דאך רייך געוועזן. פרעגט דיא גמרא פון וואנען ווייסין מיר אז יונה איז רייך געוועזן. ווארום עס שטייט אין פסוק יונה האט גיצאהלט פאר דיא שיף אונ ער איז אריין גיגאנגען אין איר צוא קומען מיט זייא אין תרשיש. האט רבי יוחנן געזאגט יונה האט בצאהלט פאר די גאנצע שיף. אונ רבי רוכנוס האט געזאגט דיא שיף איז פאר דונגען געווארין פאר פיר טויזענד רענדלאך. אונ דאס האט יונה אליין בצאלט. איז ער דאך רייך געוועזן:

ז ואמר. נאך האט רבי יוחנן געזאגט אין אנהייב האט משה געלערנט תורה אונ האט פאר געסין. ביז גאט האט אים געשאנקט דיא תורה. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק גאט האט גיגעבין אונ געשאנקט דיא תורה צו משה ווען ער האט אויף גיהערט צוא ריידין מיט איהם אויף דעם בארג סיני צוויא לוחות (צוויא טאוולען) וואס אויף זייא איז געוועזן געשריבען מיט דעם פינגער פון גאט. רבי שמעון בן לקיש האט געזאגט ווא האט דיא תורה דער מאנט אז מען דארף גיין צו אקראנקען גיוואר ווערין וואס ער מאכט. ווארום עס שטייט אין פסוק משה האט געזאגט אויב דיא וועלין שטארבין אזוי וויא אלע מענטשין שטארבין: אונ דיא בפעלונג פון אלע מענטשין וועט אויף זייא אויך בפעלט ווערין. האט מיך ניט גאט געשיקט. וואס ווייסין מיר פון דעם פסוק. האט רבא געזאגט אזוי מיינט דער פסוק אויב דיא וועלין שטארבין אזוי ווי אלע מענטשין שטארבין. זייא וועלין קראנק ווערין אונ וועלין ליגען אויף זייערע בעטין. אונ מענטשין וועלין אריין קומען צו זיי א גיוואר ווערין וואס זיי מאכין. וואס וועלין די מענטשין זאגין ניט גאט האט מיך געשיקט. זעהן מיר אז דיא תורה זאגט עס איז דער שטייגער מענטשין זאלין אריין גיין צו אקראנקין גיוואר ווערין וואס ער מאכט. רבא האט גידרשת עס שטייט אין פסוק ואם

מוטב תהיה אם לאו יברא ה' איני והתניא שבעה דברים נבראו קודם שנברא העולם. ואלו הן. תורה ותשובה. גן עדן. וגיהנם. וכסא הכבוד. ובית המקדש. ושמו של משיח. תורה דכתיב (משלי ח) ה' קנני ראשית דרכו קדם מפעליו מאז. תשובה דכתיב (תהלים צ) בטרם הרים יולדו וגו' תשב אנוש עד דכא ותאמר שובו בני אדם. גן עדן דכתיב (בראשית ב) ויטע ה' אלהים גן בעדן מקדם. גיהנם דכתיב (ישעיה ל) כי ערוך מאתמול תפתה. כסא הכבוד דכתיב (תהלים צג) נכון כסאך מאז. בית המקדש דכתיב (ירמיה יז) כסא כבוד מרום מראשון מקום מקדשנו. שמו של משיח דכתיב (תהלים עב) יהי שמו לעולם לפני שמש ינון שמו. אלא ה"ק אי אברי לה פומא (הכא) מוטב ואי לא יברא ה' והא כתיב (קהלת א) אין כל חדש תחת השמש ה"ק אי לא מקרב פומא להכא לקרב להכא:

ח דרש רבא ואמרי לה א"ר יצחק מ"ד (חבקוק ג) שמש ירח עמד זבולה שמש ירח בזבול מאי בעו

לאו. שאין גיהנם נברא עדיין: איני. מי מספקא ליה למשה: שבעה דברים נבראו קודם שנברא העולם. כלומר שעלו במחשבה להבראות קודם שנברא העולם שאי אפשר לעולם בלא הם וכדאמרינן שמחשבתן של ישראל קדמה לכל ועל כרחין לא נברא העולם בלא גיהנם לצורך הרשעים: אי לא מקרב פומא להכא לקרב להכא. וקריתם בעלמא ליתא בכלל אין כל חדש:

בריאה יברא ה': אויב אבעשאפונג וועט גאט באשאפן. צו וואס שטייט טאפעלע ווערטער. נאר אזוי האט משה גיזאגט. אויב דער גיהנם איז שוין באשאפן גיווארין איז גוט. אונ אויב דער גיהנם איז נאך ניט באשאפין גיווארין. זאל איהם גאט איצט באשאפן. פרעגט דיא גמרא האט דען משה ניט גיוואוסט אז דער גיהנם איז שוין לאנג באשאפין גיווארין. מיר האבין דאך גילערנט זיבען זאכין זענען באשאפין גיווארין איידר דיא וועלט איז באשאפין גיווארין (עיין מהרש"א). אונ דאס זענין דיא זיבען זאכין. תורה אונ תשובה. גן עדן אונ גיהנם. דער כסא הכבוד אונ דער בית המקדש. אונ דער נאמען פון משיח. פון וואנען ווייסין מיר אז דיא תורה איז באשאפין גיווארין איידער דיא וועלט איז באשאפין גיווארין. ווארום עס שטייט אין פסוק דיא תורה זאגט גאט האט מיך גיקויפט (באשאפין) צו הערשט פון זיינע אלע באשאפונג. ביי תשובה שטייט אין פסוק איידער דיא בערג זענין באשאפין גיווארין אונ דוא האסט צוריק גיקערט דעם מענטש ביז צום צו שטויסונג האסטו גיזאגט איהר מענטשין טוהט תשובה. בייא דעם גן עדן שטייט אין פסוק גאט האט גיפלאנצט אגארטין אין דעם ארט עדן נאך פריער איידער דיא וועלט איז באשאפין גיווארין. ביי דעם גיהנם שטייט אין פסוק עס איז אנגיברייט פון נעכטין (איידער דיא וועלט איז באשאפין גיווארין) דער גיהנם. ביי דעם כסא הכבוד שטייט אין פסוק עס איז אן גיברייט דיין שטוהל פון באמאלס. איידער דיא וועלט איז באשאפין גיווארין. בייא דעם בית המקדש שטייט אין פסוק כסא כבוד מרום. דער שטוהל פון גאט וואס אין הימעל. מראשון וואס ער איז באשאפין גיווארין פאר דעם ערשטין טאג. איידער דיא וועלט איז באשאפין גיווארין. מקום מקדשנו. איז ער גישטעלט געגין דעם ארט פון בית המקדש. איז דאך דער בית המקדש אויך גיוועזן איידער דיא וועלט איז באשאפין גיווארין. בייא דעם נאמען פון משיח שטייט אין פסוק זיין נאמען זאל זיין אויף אייביג; פאר דיא זוהן. איידער דיא זוהן איז באשאפין גיווארין איז גיוועזן זיין נאמען ינון. נאר אזוי האט משה גזאגט אויב עס איז שוין באשאפין גיווארין אמויל צום גיהנם איז גוט. אונ אויב ניט זאל גאט איצט באשאפען אמויל צום גיהנם. פרעגט דיא גמרא עס שטייט דאך אין פסוק עס ווערט ניט באשאפען קיין נייע זאך אונטער די זוהן, דער נאך וויא דיא זוהן איז באשאפין גיווארין ווערט שוין ניט באשאפין קיין נייע זאך. וויא אזוי וועט באשאפין ווערין דיא מויל פון גיהנם. ענפערט דיא גמרא דער גיהנם האט גיהאט אמויל באלד וויא ער איז באשאפין גיווארין נאר אזוי האט משה גזאגט אויב דיא מויל פון גיהנם איז אויף דעם ארט איז גוט. אונ אויב דיא מויל פון גיהנם איז ניט אויף דעם ארט. זאל זיא קומען אהער אויף דעם ארט:

ח דרש. רבא האט גידרשת אונ אנדערע זאגין רבי יצחק האט גזאגט עס שטייט אין

בעו והא ברקיע קביעי מלמד שעלו שמש וירח מרקיע לזבול ואמרו לפניו רבש"ע אם אתה עושה דין לבן עמרם אנו מאירין ואם לאו אין אנו מאירין באותה שעה רק בהן חצים וחניתות אמר להם בכל יום ויום משתחוים לכם ואתם מאירים בכבודי לא מחיתם בכבוד בשר ודם מחיתם ובכל יום ויום יורה בהם חצים והניתות ומאירים שנא' (שם) לאור חציך יהלכו לנגה ברק חניתך:

ט תניא בקור חולים אין לו שיעור מאי אין לו שיעור סבר רב יוסף למימר אין שיעור למתן שכרו אמרו. א"ל אביי וכל המצות מי יש שיעור למתן שכרן והא תנן הוי זהיר במצוה קלה כבמצוה חמורה שאין אתה יודע מתן שכרן של מצות אלא אמר אביי אפילו גדול אצל קטן רבא אמר אפי' מאה פעמים ביום. תנ"ה ביקור חולים אין לו שיעור אפילו גדול אצל קטן ואפילו מאה פעמים ביום. א"ר אחא בר (חיננ׳) [חנינא] כל המבקר את החולה נוטל אחד מששים מצערו אמר לו אביי לרבא אם כן ליעילו שתין גברי ולוקמוהו

והא ברקיע קביעי. כדכתיב ויתן אותם אלהים ברקיע השמים וזבול למעלה מן הרקיע הוא כדאיתא בפרק אין דורשין: אם אתה עושה דין לבן עמרם. ממחלוקתו של קרח ומשמע להו דהאי קרא במחלוקתו של קרח מדיש מכוס דכיצאת מצרים ובקריעת ים סוף משתעי בספר חבקוק דכתיב ביה מחצת ראש מבית רשע ומשמע להו דהיינו קרח וכתיב בתריה שמש ירח עמד זבולה: ואפילו גדול אצל קטן. שלא יאמר לא אבקר אלא גדול כמותי: אין לו שיעור. דמצוה בקטן כמו בגדול: ליעיילו שתין ולוקמוהו. יכנסו ס' בני אדם בבת אחת ויטול כל א' ס' מצערו ומיד יתרפא: כעשורייתא

פסוק דיא זוהן אונ דיא לבנה איז געשטאנען אין היםעל זבול. וויא קומט דיא זוהן מיט די לבנה אין היםעל זבול. זייא דארפין דאך זיין אין היםעל רקיע. נאר די זוהן מיט דיא לבנה זענין ארויף געגאנגען פון רקיע אין זבול אונ האבין געזאגט פאר גאט רבונו של עולם אויב דוא וועסט טאהן אמשפט צוא קרח פון משהס וועגין וועלין מיר לייכטין אונ אויב ניט וועלין מיר ניט לייכטין. האט גאט געווארפין אויף זייא פיילין אונ שפיזען. אונ ער האט געזאגט צוא זייא אלע טאג בוקין זיך פעלקער צוא אייך אונ פון דעסטוועגין לייכט איר. פאר מיין כבוד הארט אייך ניט אונ פר דעם כבוד פון אמענטשין ופון משהס האט אייך יא. פון דער צייט אונ ווייטער אלע טאג גייען ניט ארויס דיא זוהן מיט דיא לבנה לייכטין ביז מען װארפט אויף זייא פיילין אונ שפיזען גייען זייא לייכטין. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק צו די ליכטיגקייט פון דיינע פיילין גייען זייא: צוא דיא שיינונג פון דעם בלאנק פון דיינע שפיזען:

ט תניא: מיר האבין געלערנט גיין געזונט ווערין צו קראנקע האט די מאכין. איז ניט אויס געזעצט ווי פיל. וואס איז ניט אויס געזעצט דיא פיל. רב יוסף האט געוואלט זאגין עס איז ניט אויס געזעצט. וויא פיל שכר מען וועט אים געבין פאר די מצוה. האט אביי צו איהם געזאגט אונ אלע מצות ווייסין מיר דען ווי פיל שכר מען וועט פאר זיי געבין. מיר האבין דאך געלערנט דוא זאלסט זיין געהיט צו טאהן אגרינגע מצוה. אזוי וויא אשווערע מצוה. ווארום דוא ווייסט ניט וויפיל שכר מען גיט פאר אמצוה. זאגט אביי אזוי מיינט מען אפילו אגרויסער למדן אונ אגרויסער חכם אונ אגרויסער עושר זאל גיין מבקר חולה זיין אפילו צוא אקלענערין פון איהם, רבא זאגט אזוי מיינט מען אפילו הונדערט מאהל אין טאג דארף מען גיין צום קראנקען געזונט ווערין וואס ער מאכט. זאגט דיא גמרא מיר האבין אויך אזוי געלערנט. מבקר חולה זיין האט ניט קיין שיעור. אפילו אגרויסער חכם אונ אגרויסער למדן אונ אגרויסער עושר דארף גיין מבקר חולה זיין אפילו צו אקלענערין פון איהם: אונ אפילו הונדערט מאהל אין טאג. רבי אחא בר חנינא זאגט אז מען קומט צו אקראנקען געזונט ווערין וואס ער מאכט: נעמט מען צו אזעכציג חלק פון זיין קראנקייט. האט אביי געזאגט צו רבא אויב אזוי זאלין אביין גיין צום קראנקען זעכציג מענטשין: וועט יעדער נעמען אזעכציג חלק פון זיין קראנקייט, איז דער קראנקער געזונד ווערין. האט רבא געזאגט דאס מיינט מען אזוי וויא דער צעהנטיל

ולוקמוהו א"ל כעישורייתא דרבי (ובבני) [ובבן] גילו דתניא רבי אומר הבת הניזונת מנכסי אחים נוטלת עשור נכסים אמרו לרבי לדבריך מי שיש לו עשר בנות ובן אחד אין לו לבן במקום בנות כלום אמר להם כך אני אומר ראשונה נוטלת עשור נכסים שניה במה ששיירה שלישית במה ששיירה וחוזרות כולן וחולקות בשוה ר' חלבו חלש אכריז רב כהנא רבי חלבו באיש (דף מ) ר' חלבו באיש לא איכא דקא אתי. אמר להו לא כך היה מעשה בתלמיד אחד מתלמידי ר' עקיבא שחלה ולא נכנסו חכמים לבקרו ונכנס רבי עקיבא לבקרו ובשביל שכבד ורבץ לפניו חיה א"ל רבי החייתני יצא ר' עקיבא ודרש כל שאינו מבקר את החולה כאילו שופך דמים כי אתא רב דימי אמר כל המבקר את החולה גורם לו שיחיה וכל שאינו מבקר את החולה גורם לו שימות מאי גורם אילימא כל המבקר את החולה מבקש עליו רחמים שיחיה ושאינו מבקר את החולה מבקש עליו רחמים שימות סלקא דעתך אלא כל שאינו מבקר את החולה אין

כעישורייתא דרבי. שכל אחת נוטלת עשור מנכסים שנותרו אחר שנטלה אותה שלפניה עשור שלה וכן נמי כל אחד מן המבקרים נוטל אחד מס' מן החולי שנשאר לחולה אחר שבקרו אותו שלפניו: ובבן גילו. שנולד המבקר במזלו של חולה: וחוזרות כולן וחולקות בשוה. שכיון שנכנסת אחת כאלו ניטול הימנו כדין שיהיה חלק של ראשונות יותר מן האחרונות: באיש. חלה: [כאלו שופך דמים. מפני שבני אדם שנכנסין לבקרו עושין לו לחולה כל צרכיו]: אין מבקש עליו רחמים לא שיחיה ולא

פון רבי. און נאר אז דער מענטש וואס איז געקומען צום קראנקען מבקר חולה זיין איז געבארין געווארין אין דעם זעלביגען מזל פון דעם קראנקען. ווארום מיר האבין געלערנט רבי זאגט אז איינער איז געשטארבין און האט געלאזין אטאכטער מיט זיהן. פרעגען די זיהן אין גאנצען און די טאכטער ווערט געשפייזט פון די ברידער: און זיא נעמט פון דיא ברידער אצעהנטיל פארמעגין. האט מען געזאגט צו רבי נאך דיינע רייד אז איינער איז געשטארבין און האט געלאזין צעהן טעכטער מיט איין זוהן. וועלין דיא צעהן טעכטער צוא נעמען דאס גאנצע פארמעגין ווארום יעדע טאכטער וועט נעמין אצעהנטיל) און דער זוהן וועט גאר ניט נעמען האט רבי צו זייא געזאגט אזוי זאג איך. די ערשטע נעמט אצעהנטיל פאר מעגין. די אנדערע נעמט אצעהנטיל פון דעם פארמעגין וואס די ערשטע האט געלאזין. די דריטע נעמט אצעהנטיל פון דעם פארמעגין וואס דיא אנדערע האט געלאזין. און אזוי ווייטער. און וויא פיל עס בלייבט נאך דיא לעצטע. צו טיילין זיך אלע טעכטער גלייך*) אויב עס איז ניטא קיין ברידער: און אויב עס איז דא ברידער נעמען די ברידער. דא ביי דעם קראנקען איז אויך אזוי: דער ערשטער וואס קומט מבקר חולה זיין נעמט אזעכציג חלק פון די קרענק. דער אנדערער נעמט אזעכציג חלק פון דיא וואס איז געבליבען. און אזוי ווייטער. און נאך דיא אלע זעכציג בלייבט נאך גענוג קראנקייט ביי דעם קראנקען. רבי חלבו איז קראנק געווארין. האט רב כהנא אויסגערופין אין שטאט רבי חלבו איז קראנק רבי חלבו איז קראנק. איז קיינער נישט געקומען צו רבי חלבו מבקר חולה זיין. האט רב כהנא געזאגט צו די מענטשין פון שטאט. האט דען נישט אמאהל געטראפין ביי א תלמיד פון רבי עקיבאס תלמידים וואס ער איז קראנק געווארין און דיא חכמים זענין ניט אריין געגאנגען צו איהם מבקר חולה זיין. איז רבי עקיבא אליין אריין געגאנגען צוא איהם מבקר חולה זיין. און ווייל רבי עקיבא האט אויס געקערט דיא שטוב און האט אויס געשפריצט דיא פאדלאגע פאר איהם. איז דער תלמיד געזונד געווארין. און ער האט געזאגט צו רבי עקיבא רבי דוא האסט מיך געזונד געמאכט. איז רבי עקיבא ארויס געגאנגען פון דעם תלמיד און האט געדרשת. דער וואס גייט ניט מבקר חולה זיין איז גלייך וויא ער וואלט דעם קראנקען געהרגעת. ווארום אז מענטשין וואלטין אריין קומען צו איהם. וואלטין זיי געזעהן וואס דעם קראנקען פעלט. וואלטין זייא איהם געהאלפין. אז רב דימי איז געקומען האט ער געזאגט דער וואס איז מבקר חולה בריינגט ער איהם צום לעבין. און דער וואס איז ניט מבקר חולה בריינגט ער איהם צום שטארבין. זאגט דיא גמרא וואס מיינט מען ער בריינגט איהם:

*) זהו רק אם באו כל הבנות זו אחר זו, ואם באו כל הבנות בבת אחת. אחר שנטלה כ"א כעשורייתה חוזרות ושוקלות כל אחת מה שנטלה וחולקות בשוה:

מבקש עליו [רחמים] לא שיחיה ולא שימות רבא יומא קדמאה דחלש אמר להו לא תגלו לאינש דלא ליתרע מזלי מכאן ואילך אמר להו פוקו אכריזו בשוקא רבא חלש דסני לי ליחדי וכתיב (משלי כד) בנפול אויבך אל תשמח ובכשלו אל יגל לבך פן יראה ה' ורע בעיניו והשיב מעליו אפו ודרחים לי ליבעי עלי רחמי:

י (אמר רב יהודה אמר שמואל) [אמר רב] כל המבקר את החולה נצול מדינה של גיהנם שנאמר (תהלים מא) אשרי משכיל אל דל ביום רעה ימלטהו ה' ואין דל אלא חולה שנא' (ישעיה לח) מדלה יבצעני אי נמי מהדין קרא (ש"ב יג) מדוע אתה ככה דל בן המלך ואין רעה אלא גיהנם שנאמר (משלי טז) כל פעל ה' למענהו וגם רשע ליום רעה ואם בקרו מה שכרו מה שכרו כדאמרינן נצול מדינה של גיהנם אלא מה שכרו בעולם

שימות. נראה בעיני דה"ק פעמים שצריך לבקש רחמים על החולה שימות כגון שמצטער החולה בחליו הרבה ואי אפשר לו שיחיה כדאמרי' בפרק הנושא דכיון דחזא אמתיה דרבי דעאל כמה זימנין לבית הכסא ומנח תפילין וקא מצטער אמרה יהי רצון שיכופו העליונים את התחתונים כלומר דלימות רבי ומשום הכי קאמר דהמבקר חולה מועילו בתפלתו אפי' (למות ולקט) לחיות מפני שהיא תפלה יותר מעולה ומי שאינו מבקרו א"צ לומר שאינו מועילו לחיות אלא אפילו היכא דאיכא ליה צערא במיתה אפילו אותה הנאה זוטרתי אינו מהנהו:

זאלין מיר זאגין אזוי מיינט מען דער וואס איז מבקר חולה וועט ער מתפלל זיין פאר דעם קראנקינם וועגין ער זאל לעבין. אונ דער וואס איז ניט מבקר חולה וועט ער מתפלל זיין פאר דעם קראנקינסוועגין ער זאל שטארבין: פאר וואס זאל ער בעטין אויף איהם ער זאל שטארבין. נאר אזוי מיינט מען דער מענטש וואס איז ניט מבקר חולה בעט ער ניט אויף דעם קראנקען ניט אויף לעבין ניט אויף שטארבין. ווארום אמאהל דארף מען בעטין אויף אקראנקען ער זאל לעבין. אונ אמאהל דארף מען בעטין ער זאל שטארבין: אז מען זעהט שטארבין וועט ער נעווים נאר ער מאטערט זיך. ווייל ער ווייס ניט וואס עס איז מיט דעם קראנקען אונ וואס פאר איהם בעסער איז: טוהט ער איהם אפילו דיא קליינע טובה בעטין אויף איהם ער זאל שטארבין אויך ניט. אז רבא איז קראנק גיווארין דעם ערשטין טאג האט ער גיבעטין מען זאל פאר קיינעם ניט זאגין אז ער איז קראנק: זיין מזל זאל ניט שלעכט ווערין: ווארום עס קען זיין אז דאס איז גאר ניט קיין קראנקייט. אונ אז מען וועט זאגין אויף איהם ער איז קראנק וועט ער טאקי אין אמת קראנק ווערין ווייל אמאהל רעט מען אוים אווארט אשלעכטין אין אשלעכטע שעה אונ עס בלייבט אזוי. אז ער האט גיזעהן ער איז דעם אנדערין טאג אויך קראנק. אדער נאך ווייטער דעם דריטען דעם פערטען. האט ער גיזאגט גייט ארוים אין גאס אונ רופט אוים רבא איז קראנק. דער וואס האט מיך פיינט זאל זיך פרייען. אונ עס שטייט אין פסוק אז דיין פיינט וועט פאלין זאלסטו דיך ניט פרייען. אונ אז ער וועט גישטרויכלט ווערין זאל דיין הארץ ניט פרייען. טאמער וועט גאט זעהן אז דוא פרייסט זיך אונ עס וועט שלעכט זיין אין די אויגין פון גאט. (עס וועט גאט ניט גיפעלין). וועט ער אראפ נעמען פון איהם זיין כעס. וועל איך געזונד ווערין. אונ דער וואס האט מיך ליב. זאל ער מתפלל זיין אונ בעטין צוא גאט איך זאל געזונד ווערין:

י אמר. רב האט גזאגט דער וואס גייט צו אקראנקען זעהן וואס ער מאכט. וועט ער ניט געמשפט ווערין אין גיהנם אויף זיינע עבירות: אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אשרי משכיל אל דל. דל מיינט מען אקראנקער. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק מדלה יבצעני. פון דיא קראנקייט וועט ער מיך אוים לאזין. אדער פון דעם פסוק מדוע אתה ככה דל בן המלך. דוא קעניגליכער זוהן ווארום זעהסטו אוים אזוי קראנק. זאגט דער פסוק וואול צוא דעם מענטש וואס ער קליגט זיך אויף דעם קראנקען. צוא זעהן מיט וואס אים צוא העלפין. ביום רעה ימלטהו ה': רעה מיינט מען גיהנם אזוי וויא עס שטייט אין פסוק כל פעל ה' למענהו וגם רשע ליום רעה. אלץ האט גאט גיטאהן פון זיינעט וועגין. אונ דעם רשע האט ער באשאפען צום טאג פון גיהנם. זאגט דער פסוק ווען עס וועט קומען דער טאג פון גיהנם. וועט אים גאט מציל זיין. אונ אויב ער איז יא מבקר חולה וואס בצאהלט אים גאט. פרעגט דיא גמרא מען האט דאך שוין גיזאגט וואס גאט

בעולם הזה (תהלים מא) ה' ישמרהו ויחייהו ואושר בארץ ואל תתנהו בנפש אויביו. ה' ישמרהו מיצר הרע ויחייהו מן היסורים ואושר בארץ שיהו הכל מכבדים אותו ואל תתנהו בנפש אויביו שיזדמנו לו רעים כנעמן שרפאוהו מצרעתו ואל יזדמנו לו רעים כרחבעם שחלקו מלכותו. תניא ר"ש בן אלעזר אומר אם יאמרו לך זקנים סתור וילדים בנה סתור ואל תבנה מפני שסתירת זקנים בנין ובנין ילדים סתירה וראיה לדבר רחבעם בן שלמה (מ"א יב). אמר רב (ששת) [שישא] בריה דרב אידי לא לסעור איניש קצירא לא בתלת שעי קמייתא דיומא ולא בתלת שעי בתרייתא דיומא כי היכי דלא ליסח דעתיה מן רחמי בתלת שעי קמייתא רווחא דעתיה בתרייתא תקיף חולשיה. א"ר אבין אמר רב מנין שהקב"ה זן את החולה שנאמר (תהלים מא) ה' יסעדנו על ערש דוי כל משכבו הפכת בחליו. וא"ר אבין אמר רב מנין שהשכינה שרויה למעלה ממטתו של חולה שנאמר ה' יסעדנו על ערש דוי. תנ"ה הנכנס לבקר את החולה לא ישב על גבי מטה

[רעים כו' מן. שריפאהו מצרעתו כגון אלישע דהוה נביא וזקן והשיאו עצה לנעמן: אם יאמרו לך נערים בנה. בית המקדש וכו': וסימן לדבר רחבעם. דכתיב ויעזוב את עצת הזקנים וגו' ונחרב בית המקדש על אותה עצה והמודר לא פירש בבהמ"ק ואיכא ברייתא דקתני בהדיא בבהמ"ק]: לא לסעור איניש. לא יבקר ופקודת כל האדם מתרגמינן וסעורא: קצירא. חולה: בתלת שעי קמייתא רווחא דעתיה. וכסבור המבקר שנתרפא ואין צריך לבקש רחמים עליו: בתרייתא תקיף חולשיה. וכסבור שהוא באפס תקוה ומתיאש מן הרחמים: יסעדנו. כמו ולחם לבב אנוש יסעד: [מנין שהשכינה וכו', שנאמר ה' יסעדנו קרי ביה יסעדנו ה"נ יסעדנו ממש שמסעד שכינה על ראשו כדאמרן בהדיא שהשכינה שרויה למעלה ממטתו]: לא ישב ע"ג מטה ולא ע"ג ספסל. איכא מ"ד דדוקא כשהחולה שוכב ע"ג קרקע שנמצא מבקר גבוה ממקום שכינה:

בצאהלט איהם. מען משפט אים ניט אין גיהנם; נאר וואס בצאהלט אים גאט אויף דער וועלט. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק גאט וועט אים היטען. אונ וועט אים געבין לעבין. אונ ער וועט זיין גליקלאך אויף דער וועלט. אונ זאלסט אים ניט געבין אין דעם נפש פון זיינע פיינד. גאט זאל אים היטען פון יצר הרע. אונ ער זאל אים געבין לעבין אן יסורים; אונ ער זאל אים גליקלאך מאכען אויף דער וועלט; אלע זאלין אים געבין כבוד. אונ דוא זאלסט אים ניט געבין אין דעם נפש פון זיינע פיינד; דאס מיינט מען ער זאל האבין אזעלכע גוטע פריינד אזוי וויא נעמן האט גיהאט. אלישע הנביא איז גיוועזען זיינער אגוטער פריינד אונ האט אים גיהיילט פון זיינע קרענק. אונ ער זאל ניט האבען אזעלכע גוטע פריינד וויא דער מלך רחבעם האט גיהאט; וואס דורך זייער עצה איז צוא טיילט גיווארין זיין מלוכה. מיר האבין גילערונט רבי שמעון בן אלעזר האט גזאגט אויב אלטע מענטשין וועלין זאגין צוא דיר צוא ווארף דיא הויז; אונ יונגע מענטשין וועלין זאגין צוא דיר באה דיא הויז; זאלסטו צו ווארפען אונ זאלסט ניט באהען. ווארום וואס אלטע צוא ווארפען דאס הייסט גיבאהט. אונ וואס יונגע באהען. דאס הייסט צוא ווארפין. א בעווייזונג צוא דער זאך איז רחבעם בן שלמה (אין מלכים א' קפיטל יב). רב שישא בריה דרב אידי האט גזאגט אמענטש זאל ניט גיין ניט זיין מבקר חולה דיא ערשטע דריי שעה אין טאג. ווארום דיא ערשטע דריי שעה אין טאג איז אלע מאהל דעם קראנקען בעסער. וועט ער מיינען מען דארף שוין ניט בעטין פון זיינעט וועגין. ווארום ער איז שוין גיזונדט. אונ ניט דיא לעצטע דריי שעה אין טאג; ווארום דיא לעצטע דריי שעה אין טאג שטארקט זיך דיא קראנקייט. וועט ער מיינען אז ער קען שוין ניט גיזונד ווערין. וועט ער שוין ניט בעטין פון זיינעט וועגין. רבי אבין האט גזאגט פון רבס וועגין פון וואנען ווייסין מיר אז גאט שפייזט דעם קראנקען. ווארום עס שטייט אין פסוק גאט לענט אים זיין הארץ ער שפייזט אים) אויף זיין קראנקין בעט זיין גילעגער האסטו אומגיקערט (פריש גיבעטן) אין זיין קראנקייט. נאך האט רבי אבין גזאגט פון רבס וועגין פון וואנען ווייסען מיר אז דיא שכינה רוהט איבער דיא בעט פון דעם קראנקין (אז דיא שכינה רוהט געבין צו קאפינס פון קראנקין) ווארום עס שטייט אין פסוק גאט לענט אן דעם קראנקין אויף זיין קראנקין בעט. אונ אלינגעדיגען מענטשין אן לערנען. איז גאר אז מען לעהנט אים אן דעם קאפ זאגט דיא גמרא מיר האבין אויך אזוי

ושמית. עור נאכול עליו : בלא רבב. שומן : דלא ביה כולא ביה. מי שיש בו דעת כמי שיש בו כל שאינו נחסר כלום : [דדא קני מה חסר. מי שקנה דעת אינו חסר כלום] : דלא קני. דעת מה קני מה יועיל כל מה שיקנה : חוזר לימי עלומיו. אחר שחלה ונתרפא מתחזק שבשרו נעשה יותר בריא ממה שהיה קודם חליו שנאמר רטפש מנוער רטוב ופש וי"א חוזר לימי עלומיו דמשמע כתינוק שלא טעם טעם חטא : לומר שמשכח תלמודו .. ימי עלומיו קדרים משכן כעלמה :

מטה ולא על גבי כסא ולא על גבי ספסל אלא מתעטף ויושב על גבי קרקע מפני שהשכינה שרויה למעלה ממטתו של חולה שנא ה' יסעדנו על ערש דוי :

(ע"ב) **יא (אמר רבין) [א"ר אמי אמר רב] מ"ד** (יחזקאל יב) **ואתה בן אדם עשה לך כלי גולה זה נר וקערה** (דף מא) **ושטיח** (דברים כח) **ובחסר כל (אמר רבין בר אבא) [א"ר אמי אמר רב] בלא נר ובלא שלחן רב חסדא אמר בלא אשה. רב ששת אמר בלא שמש רב נחמן אמר בלא דעה תנא בלא מלח ובלא רבב. אמר אביי נקטינן אין עני אלא בדעה במערבא אמרי דדא ביה כולא ביה דלא דא ביה מה ביה דדא קני מה חסר דדא לא קני מה קני :**

יב א"ר אלכסנדרי א"ר חייא בר אבא אין החולה עומד מחליו עד שמוחלין לו כל עונותיו שנאמר (תהלים קג) **הסולח לכל עונכי הרופא לכל תחלואיכי. רב המנונא אומר חוזר לימי עלומיו שנאמר** (איוב לג) **רטפש בשרו מנוער ישוב לימי עלומיו** (כלי מא) **[כל משכבו הפכת בחליו] אמר רב יוסף לומר שמשכח תלמודו :**

רב

גיערונט. דער וואס גייט אריין צו א קראנקין מבקר חולה זיין. אויב דער קראנקער ליגט אויף דיא ערד. זאל ער ניט זיצען אויף א בעט. אונ ניט אויף א שטוהל. אונ ניט אויף א באנק. נאר ער זאל זיך איינוויקלען אין זיין מאנטיל אונ זאל זיצען אויף דיא ערד. ווייל די שכינה רוהט איבער דיא בעט פון קראנקען אזוי וויא עס שטייט אין פסוק נאט לענט אן דעם קראנקען אויף זיין קראנקין בעט :

יא אמר. רבי אמי האט גזאגט פון רבס וועגין עס שטייט אין פסוק גאט האט גזאגט צוא יחזקאל הנביא דוא מענטשין זהן מאך דיר כלים צוא גיין אין גלות. וואס זאלין זיין דיא כלים. אליכם אונ א שיסל אונ א טעפ אום צוא שפרייטין צוא עסין אויף איר. עס שטייט אין פסוק דוא וועסט גיין אין גלות אונ דיר וועט אלץ פעלין. וואס וועט פעלין. האט רבי אמי גזאגט פון רבס וועגין עס וועט פעלין אליכט אונ א טיש. רב חסדא זאגט אן א ווייב. רב ששת זאגט אן א בעדינער. רב נחמן זאגט אן שכל. מיר האבין גילערונט אן זאלץ אונ אן פעטס. אביי זאגט מיר האבען גילערונט אזעלכע מאן הייסט נאר דער וואס האט קיין שכל. אין ארץ ישראל זאגט מען דער וואס האט שכל. האט אלץ. דער וואס האט ניט קיין שכל. האט גאר ניט. דער וואס האט גיקויפט שכל. וואס פעלט אים. דער וואס האט שכל ניט גקויפט. ווס הט ער גיקויפט. אלץ וואס ער האט גיקויפט איז גאר ניט :

יב אמר. רבי אלכסנדרי האט גזאגט פון רבי חייא בר אבאס וועגין א קראנקער ווערט אנדערש ניט גיזונדט פיידין מען איז אים מוחל זיינע אלע עבירות אזו וויא עס שטייט אין פסוק פריער פאר גיט גאט דיינע אלע עבירות. דער נאך היילט ער דיינע אלע קראנקייט. רב המנונא זאגט ער גייט צוריק צו זיין יונגענד. אז איינער ווערט גיזונד פון א קראנקייט. ווערט ער נאך געזינטער וויא ער איז גיוועזן פריער פאר דיא קרענק. אזו וויא עס שטייט אין פסוק רטפש בשרו מנוער ישוב לימי עלומיו. זיין לייב איז גיווארין פייכט אונ דיק פון דער יוגענד. ער הט זיך צוריק גיקערט צו די טעג פון זיין יוגענד. עס שטייט אין פסוק כל משכבו הפכת בחליו זיין גאנצע אום שפרייטונג פון זיין לערנען איז פארקערט גיווארין אין דיא צייט וואס ער איז קראנק גיוועזן. זאגט רב יוסף דער פסוק זאגט אויז אז א מענטש פאר געסט זיין תורה ווען ער קראנק :

יג רב יוסף חלש אייקר ליה תלמודיה אהדריה אביי קמיה היינו דבכל דוכתא אמרינן אמר רב יוסף לא שמיע לי הא מלתא וא"ל אביי את אמרת לן ומהא מתניתא אמרת לן רבי הוה גמיר תלת עשרה אפי הלכה אגמריה לרבי חייא ז' מנהון לסוף חלש רבי אהדרי רבי חייא קמיה הנהו ז' אפי דאגמריה ושתא אזדא להו הוה ההוא קצרא דהוה שמיע ליה לרבי כד הוה גרים להון אזל ר' חייא גמר יתהון קמי קצרא ואתא אהדרינהו קמי רבי כד הוה חזי ליה רבי לההוא קצרא א"ל רבי אתה עשית אותי ואת חייא א"ר הכי אמר ליה אתה עשית את חייא וחייא עשה אותי:

אייקר ליה תלמודיה. שהכביד עליו התלמוד ששכחו: תלת עשרה אפי. י"ג פנים: קצרא. כובס: אתה עשית אותי ואת חייא. דגמרת לנו דכל המלמד את בן חברו תורה מעלה עליו הכתוב כאילו עשאו שנאמר ואת הנפש אשר עשו בחרן: הכל מושלין בו. להמיתו אפילו זבוב אפילו יתוש: למשפטיך עמדו היום כי הכל עבדיך. בזמן שלמשפטיך עמדו ביסורים של מעלה שהגיע קצם למות הכל עבדיך לקיים את דבר משפטך: שכיב ההוא גברא גובהא. אדם שהיה גבוה כלומר ארוך: רכיב גידרונא זוטרא. רוכב פ"דה קטנה: היסורא

יד אמר רבי אלכסנדרי א"ר חייא בר אבא גדול נס שנעשה לחולה יותר מנס שנעשה לחנניה מישאל ועזריה דאילו חנניה מישאל ועזריה אש של הדיוט והכל יכולין לכבותה אבל של חולה אש של שמים הוא מי יוכל לכבותה. וא"ר אלכסנדרי א"ר חייא בר אבא ואמרי לה א"ר יהושע בן לוי כיון שהגיע קצו של אדם הכל מושלין בו שנא' (בראשית ד) והיה כל מוצאי יהרגני (רבא) [רב] אמר מהכא (תהלים קיט) למשפטיך עמדו היום כי הכל עבדיך אמרו ליה לרבה בר שילא שכיב ההוא גברא גובהא (הוה) רכיב גי"רונא

יג רב יוסף איז קראנק געווארין האט ער פאר געסין זיין לערנען. האט אביי איבער געחזרט דאס לערנען פאר רב יוסף. דאס איז וואס מיר זאגין אין פיל ערטער רב יוסף האט גזאגט איך האב ניט געהערט דיא זאך. האט אביי צוא אים גזאגט דוא אליין האסט אונז גזאגט דיא זאך אונ פון דיא ברייתא האסטו אונז גזאגט. רבי האט גילערנט דרייצען פשטים ומיינונגען אויף איין דין. אונ רבי האט גילערנט צוא רבי חייא זיבען ערליי פשטים פון די דרייצעהן. דער נאך איז רבי קראנק גיווארין. אונ ער האט פר געסין דיא אלע דרייצען פשטים. האט רבי חייא גיחזרת פאר רבי דיא זיבען פשטים וואס ער האט אים גילערנט. אונ נאך זעקס פשטים האבען זייא ביידע ניט גיוואוסט. איז געוועזן א וועשער וואס ער האט געהערט פון רבי דיא אלע דרייצעהן פשטים ווען ער האט זייא גילערנט. איז גיגאנגען רבי חייא אונ האט גילערנט פון דעם וועשער דיא נאך זעקס פשטים. אונ ער איז גיקומען פאר רבי אונ האט זייא גיחזרת פאר אים; ווען רבי האט גיזעהן דעם וועשער האט רבי גזאגט צו אים. רבי דו האסט בשאפין מיך אונ רבי חייאן. אנדערע זאגין אזו האט רבי גזאגט צום וועשער דו האסט בשאפען חייאן אונ חייא האט מיך בשאפין:

יד אמר; רבי אלכסנדרי. האט גזאגט פון רבי חייא בר אבאס וועגין דער נס וואס ווערט גיטאהן צוא אקראנקין ווען ער ווערט גיזונד. איז גרעסער וויא דער נס וואס איז גיטאהן גיווארין צוא חנניה מישאל ועזריה. ווארום ביי חנניה מישאל ועזריה איז גיוועזן א פייער פון א מענטש. וואס אלע האבען גיקענט דעם פייער פאר לעשין. אבער דער פייער פון אקראנקין איז א פייער פון הימעל ווער קען דעם פייער פאר לעשין. נאך האט גזאגט רבי אלכסנדרי פון רבי חייא בר אבאס וועגין. אנדערע זאגין רבי יהושע בן לוי האט גזאגט אז עס קומט דער סוף פון מענטשין. ווען עס לאזט זיך אום זיינע יאהרין. גיוועלטיגען אלע בשעפעניש אויף אים צוא הרגנן אים. אזו חייא עס שטייט אין פסוק קין האט גזאגט אונ עס וועט זיין ווער עס וועט מיך געפינען וועט מיך הרגנן. רב זאגט פון דעם פסוק למשפטיך עמדו היום כי הכל עבדיך, דער מענטש וואס איז היינט גישטאנען פאר דיין משפט. אונ מען האט גיפסקנת ער זאל שטארבין. זענען אלע דיינע קנעכט צו הרגנן אים. מען האט גזאגט צו רבה בר שילא דער הויכער מענטש וואס

גידרונא זוטרא מטא תיתורא איסתטט שדייה במיא וקא שכיב קרא אנפשיה למשפטיך עמדו היום וגו' שמואל חזייה לההוא עקרבא דיתיב על אקרוקתא ועברא נהרא טרקא גברא ומית קרי עליה למשפטיך עמדו היום וגו':

מו אמר שמואל אין מבקרין אלא למי שחלצתו חמה לאפוקי מאי לאפוקי הא דתניא ר' יוסי בן פרטא אומר (משום רבי אליעזר) אין מבקרין לא חולי מעים ולא חולי העין ולא מחושי הראש בשלמא חולי מעים משום כסופא אלא חולי העין ומחושי הראש מ"ט משום דרב יהודה דאמר רב יהודה דבורא קשי לעינא ומעלי לאשתא אמר רבא האי אשתא אי לאו דפרונקא דמלאכא דמיתותא היא מעלי (ע"ב) כחורא לדקלא חד לתלתין יומין כי תרייקא לגופא רב נחמן בר יצחק אמר לא היא ולא תרייקה אמר (רבא) [רבה] בר יונתן [אמר רב יחיאל] ערסן יפה לחולה לרפואתו
מאי

תיתורא. גשר: איסתטט. מלשון סטיה רוח של שטות וכדאמרינן בעלמא שטיא הוה דנקטיה אחוזה רוח שטות לאותה פרדה והשליכתו בנהר: אקרוקתא. צפרדע ועקרב אינו יכול לשוט בנהר ובאה הצפרדע עליו להעבירו בנהר ולנשוך את האיש:
שחלצתו שלבשתו חמה כאדם המזדיין שעל [ידי] כלי זיין שעליו נקרא חלוץ: לאפוקי הא דתניא. דס"ל לשמואל כי הך ברייתא דאין מבקרין לכך דקא מני ודשמואל נמי לאפוקי הכי: משום כסופא. דהמבין שצריך לנקביו ומכסיף: [דבורא קשה לעינא. וכן נמי למיחוש הראש שטבע א' להם]: דפרונקא. שליח של ידיה מתים: כחורא לדקלא. שלין שסביב הדקל ש שומרין אותו מבהמות וחיות: תרייקא. מרקחת מן פיל וקורין לו תרייקא: תפלה

געריטען אויף אקליינעם איזיל אונ איז געקומען צוא אבריק איז דער איזיל ווילד אונ משוגע געווארין אונ ער האט ארין געווארפען דעם הויכען מענטש אין וואסער אונ ער איז געשטארבען. האט רבה בר שילא געלייענט אויף אים דעם פסוק למשפטיך עמדו היום כי הכל עבדיך. וויא פריער שטייט. שמואל האט געזעהן וויא אשלאנג קריכט ארויף אויף אפראש אונ דער פראש שווימט אריבער דעם טייך. אויף דיא אנדערע זייט טייך איז דער שלאנג אראפ געקראכען פון דעם פראש. אונ ער האט אביס געטאן אמענטשין אונ דער מענטש איז געשטארבען. האט שמואל געלייענט אויף אים דעם פסוק למשפטיך עמדו היום כי הכל עבדיך. וויא פריער שטייט:

מו אמר. שמואל הט געזאגט מען גייט ניט מבקר חולה זיין נאר צוא דעם וועם האט אהיץ קראנקייט. צוא וועלכין קראנקין גייט מען ניט מבקר חולה זיין. אזו וויא מיר האבען געלערנט. רבי יוסי בן פרטא זאגט פון רבי אליעזרס וועגין מען גייט ניט מבקר חולה זיין צוא דעם וואס זיינע געדערים זענען קראנק. אונ ניט צוא דעם וואס האט אקראנקע אויג: אונ ניט צוא דעם וואס האט קאפ שמערצין. פרעגט דיא גמרא דער וואס זיינע געדערים זענען קראנק איז רעכט וואס מען גייט ניט צוא אים מבקר חולה זיין: ווייל ער דארף אלע עטליכע מינוטין צרכים צוא גיין. וועט ער זיך שעמען פאר מענטשין. וועט ער זיך אויף האלטען. וועט ער נאך מער קראנק ווערין. אבער צוא דעם וואס האט קראנקע אויגן אדער ער האט קאפ שמערצין פאר וואס זאל מען ניט גיין צוא אים מבקר חולה זיין: זאגט דיא גמרא ווייל רב יהודה הט געזאגט דער וואס האט קראנקע אויגען אדער קאפ שמערצין טאר ניט פיל ריידען. אונ אז מענטשין וועלין קומען צו אים מבקר חולה זיין. וועט ער דאך מוזין מיט זייא ריידין וועט ער נאך מער קראנק ווערין. דריבער זאל מען ניט גיין צוא זייא מבקר חולה זיין. אבער דער וואס האט אהיץ קראנקייט. וואס מער ער רעדט איז פאר אים געזינטער. דריבער איז אמצוה מען זאל גיין צוא אים מבקר חולה זיין: רבא האט געזאגט דיא היץ קראנקייט ווען זיא וואלט ניט געוועהן אשליח פון מלאך המות. חס ושלום דורך דיא היץ קען מען שטארבין. וואלט זיא אזו גוט געוועזען פר דעם מענטש אזוי וויא דיא דערנער וואס ארום אבוים. וואס זייא היטען דעם בוים בהמות אונ חיות זאלין ניט קומען צוא אים. אז אמענטש האט היץ איין מאל אין דרייסיג טעג: איז דאס אזו גוט צום גוף אזו וויא אמעדיצין. רב נחמן בר יצחק האט געזאגט. איך וויל ניט דיא היץ אונ איך וויל ניט דאס זאל זיין מיין מעדיצין: רבה בר יונתן האט געזאגט פון רב יחיאלס וועגין ערסן איז צוטשיר היילונג צוא אקראנקין וואס איז ערסן. האט רבי יונתן געזאגט דאס איז אפ געשייטפע

מאי ערסן א"ר (יוחנן) [יונתן] חושלא דשערי עתיקתא (דריש נפיא אמר אביי ובעיין בשולא כבשרא דתורא) רב יוסף אמר סמידי דשערי עתיקתא דריש נפיא אמר אביי ובעיין בשולא כבשרא דתורא א"ר יוחנן בורדם אין מבקרין אותו ואין מזכירין שמו מ"ט אמר רבי אלעזר מפני שהוא כמעין הנובע וא"ר אלעזר למה נקרא שמו בורדם שהוא כמעין הנובע:

דשערי. שעורים קלופים: דריש נפיא. כתחלת הרקדת הנפה: בורדם. תיבה אחת (בב') [בשתי] תיבות בור דם והוא חולי שמקלח דם מלמטה: אין מבקרין אותו. משום דזמנין צריך לנקביו ומכסיף ליה: ואין מזכירין שמו. לומר פלוני חולה חולי בורדם דלאו לשון נקייה הוא וא"נ שלא יתביישו החולה (א"נ) [מפני שהוא כמעין הנובע]. שקופץ מזה לזה ויש בו סכנה להזכירו:

הנודר מן המבושל פרק ששי

(דף מט ע"ב) **א** **א"ל** רב לחייא בריה וכן א"ל רב הונא לרבה בריה כל מידעם לא תפלוט קמי רבך לבר מן קרא ודייסא שהן דומין לפתילה של אבר **ואפילו** קמי שבור מלכא פלוט רבי יהודה ורבי יוסי חד אכיל דייסא באצבעתיה וחד אכל בהוצא א"ל **דאכיל** באצבעתיה לדאכיל בהוצא עד מתי אתה מאכילני רוקך א"ל **דאכיל** בהוצא **לדאכיל** באצבעתיה

כל מדעם לא תפלוט. כל מאכל שאכלת אם אתה יושב לפני רבך ויש לך רוק בתוך פיך תבלענו ולא תפלוט אותו לפני רבך. [לבד] מקרא ודייסא שדומה וכו'. הבולע רוקו אחר שאכלה: לפתילה של אבר. שאינו מהמאכל א"נ שהם קשים לגופו של אדם כפתילה של אבר: ואפילו לפני שבור מלכא פלוט. ואל תתביים: בהוצא. בקליפת עץ: מאכילני

געֶרשְׁטין אַלְטֶע: דיא געֶרשְׁטין זָאל מֶען אַרוֹס נֶעמֶען דיא עֶרשְׁטֶע פוּן דיא זִיפּ וֶוען מֶען הֵייבּט נָאר אָן צוּא זִיפֶּען. אַבַּיֵי זָאגְט מֶען זָאל זֵייא קָאכִין אַזוֹ לַאנְג וִויא מֶען קָאכְט אָקְסִין פְלֵייש. רַב יוֹסֵף זָאגְט עָרְסָן אִיז מֶעהל פוּן אַלְטֶע געֶרשְׁטִין. דיא מֶעהל זָאל מֶען אַרוֹיס נֶעמֶען דיא עֶרשְׁטֶע פוּן דיא זִיפּ. וֶוען מֶען הֵייבְּט נָאר אָן צוּא זִיפֶּען. אַבַּיֵי זָאגְט מֶען זָאל דיא מֶעהל קָאכִין אַזוֹ לַאנְג וִויא מֶען קָאכְט אָקְסֶען פְלֵייש. רַבִּי יוֹחָנָן זָאגְט דֶר מֶענְטְשׁ וָוס הָט אַבּוּרְדֶם (מַארִידֶען) קְרַאנְקְייט: זָאל מֶען נִישְׁט גֵיין צוּ אִים מְבַקֵר חוֹלֶה זַיין: וַוייל טָאמֶער וֶועט עֶר בַּארְפִין אַרוֹיס צוּ גֵיין וֶועט מֶענְטְשִׁין וֶועלִין זַיין בַּיי אִים אוּנ עֶר וֶועט זִיךְ שֶׁעמֶען. וֶועט עֶר זִיךְ אוֹיף הַאלְטֶען וֶועט עֶר הָאבִּין יִסוּרִים אִין בּוֹיךְ: אוּנ מֶען זָאל נִישְׁט דֶער מָאנֶען זַיין נָאמֶען. מֶען זָאל נִישְׁט זָאגִין פַאר מֶענְטְשִׁין יֶענֶער מֶענְטְשׁ הָאט מַארִידֶען קְרַאנְקְייט. פַאר וָואס זָאל מֶען נִישְׁט זָאגִין: הָט רַבִּי אֶלְעָזָר גֶזָאגְט וַוייל דיא בְּלוּט גֵייט אַזוֹי וִויא וַואסֶער פוּן אַקְוַואל. מִיאוּסִין זִיךְ מֶענְטְשִׁין צוּא הֶערִין דֶעם וָוארְט מַארִידֶען קְרַאנְקְייט. נָאךְ הָאט רַבִּי אֶלְעָזָר גֶזָאגְט פַאר וָואס רוּפְט מֶען דיא מַארִידֶען קְרַאנְקְייט בּוּרְדַם: וַוייל דָאס אִיז צְוֶוייא וֶוערְטֶער בּוֹר דַם. דיא בְּלוּט רִינְט אַזוֹי וִויא עֶס וָואלְט גִיוֶוען אַבְּרוּנֶען מִיט בְּלוּט. אוּנ דָאס אִיז אַזוֹ וִויא אַקְוַואל וָואס קוּמְט צוּ אַלֶע מָאהל נַייֶע בְּלוּט:

פרק ששי

א אָמַר. רַב הָאט גְזָאגְט צוּא זַיין זוּהְן חִיָּיא: אוּנ אַזוֹי הָאט רַב הוּנָא גְזָאגְט צוּא זַיין זוּהְן רַבָּה. נָאךְ אַלֶע עֶסִינְס וָואס דוּא הָאסְט גִיגֶעסִין: אוֹיבּ דוּא זִיצְט פַאר דַיין רַבִּי אוּנ דוּא ווילְסְט אוֹיס שְׁפַּייֶען. זָאלְסְטוּ אַיין שְׁלִינְגֶען דיא שְׁפַּייאֶכְץ. אוּנ זָאלְסְט נִיט שְׁפַּייֶען פַר דַיין רַבִּי. אוֹיסֶער אוֹיבּ דוּא הָאסְט גִיגֶעסִין קְרָא אָדֶער דַייְסָא. זָאלְסְטוּ נִיט אַרָאפּ שְׁלִינְגֶען דיא שְׁפַּייאֶכְץ. וָוארוּם עֶס אִיז גְלַייךְ וִויא דוּא וָואלְסְט אַרָאפּ גִישְׁלוּנְגֶען אַשְׁטִיקוּל בְּלַייא. אוּנ אֲפִילוּ דוּא זִיצְט פַאר שְׁבוּר מַלְכָּא (דֶער מֶלֶךְ פוּן פָּרָס) זָאלְסְטוּ אוֹיךְ אוֹיס שְׁפַּייֶען. וָוארוּם דיא שְׁפַּייֶעכְץ וָואס נָאךְ דֶעם עֶסִין קְרָא אָדֶער דַייְסָא. אִיז אַסַכָּנָה אַרָאפּ צוּא שְׁלִינְגֶען. רַבִּי יְהוּדָה אוּנ רַבִּי יוֹסִי הָאבִּין אַמָאהל גִיגֶעסִין דַייְסָא פוּן אַיין שִׁיסוּל. אֵיינֶער הָאט גִינוּמֶען דיא דַייְסָא פוּן שִׁיסוּל מִיט זַיין פִינְגֶער. אוּנ אֵיינֶער הָאט גִינוּמֶען דיא דַייְסָא פוּן שִׁיסוּל מִיט אַשְׁטִיקוּל קָארֶע פוּן אַבּוֹים. דֶער וָואס הָאט גִינוּמֶען מִיט דֶעם פִינְגֶער הָאט גְזָאגְט צוּא דֶעם וָואס הָאט גִינוּמֶען מִיט דיא קָארֶע. בִּיז וִויא לַאנְג וֶועסְטוּ מִיר גֶעבִּין עֶסִין דַיינֶע שְׁפַּייאֶכְץ. וָוארוּם אַז עֶר הָאט

באצבעתיה עד מתי אתה מאכילני צואתך:

ב רבי יהודה ור״ש אייתי לקמייהו בלוספיין ר״י אכל ור״ש לא אכל א״ל ר״י מ״ט לא אכיל מר א״ל ר״ש אלו אין יוצאין מבני מעים כל עיקר א״ל ר״י כ״ש שנסמוך עליהן למחר:

ג רבי יהודה הוה יתיב קמיה דר׳ טרפון א״ל רבי טרפון היום פניך צהובין א״ל אמש יצאו עבדיך לשדה והביאו לנו תרדין ואכלנום בלא מלח ואם אכלנום במלח כל שכן שהיו פנינו צהובים, אמרת ליה ההיא מטרוניתא לרבי יהודה מורה ורוי אמר לה הימנותא בידא דההיא אתתא אי טעימנא אלא קידושא ואבדלתא וארבעה כסי דפסחא וחוגרני צדעאי מן הפסח ועד העצרת אלא (קהלת ח) חכמת אדם תאיר פניו. א״ל ההוא מינא לר״י פניך דומין או כמלוי ברבית או כמגדלי חזירים א״ל ביהודאי תרווייהו אסורין אלא כ״ד בתי כסאות אית לי מביתי ועד בי מדרשא וכל שעה ושעה לכל אחד ואחד אני נכנס.

רבי

חקן. שאין ניך לקין כהוגן לאחר שנתנה לסוף פיו כשמחזירה בקערה: מאימתי אתה מאכילני. עותה פתחת הפרנים: בלוספיק. ואגים שנתבשלו יותר מדאי: כיון שאין יוצאים מבני מעים כ״ש. דמעלו שנסמך עליהן שאין אנו צריכין לאכול מאכל אחר למחר:

מורה ורוי. בעל הוראה ומשתכר במתוך שראתם פניו לבובים כל שעה היתה סבורה בנשתכר: הימנותא בידא דהכיא איתתא. אמונתי בידך כאילו שותה כל השנה יין אלא קדושה והבדלתא: וחוגרני לצדעי. וקושר אני צדעי פדתתי מכוס מיהוש כאשר מפני ד׳ כוסות ששתיתי באגי הושב מכן מפסח עד עצרת: כמגדלי חזירין. שמתוך שמרויחים סרכים פניהם

גנומען דיא קארע אין מויל. איז דיא קארע נאס געווארין מיט שפייאכץ. אונ ער האט דיא נאסע קארע מיט שפייאכץ צוריק אריין גישטעקט אין שיסל. האט גזאגט דער וואס האט גינומען מיט די קארע צו דעם וואס האט גינומען מיט דעם פינגער ביז וויא לאנג וועסטו מיר געבין עסין דיא צואה וואס אונטער דיינע נעגיל:

ב רבי יהודה אונ רבי שמעון זיינען גיזעסין. האט מען גיבראכט פאר זייא פייגין וואס זענין שטארק גיקאכט גיווארין. רבי יהודה האט זייא גיגעסין. אונ רבי שמעון האט זייא נים גיגעסין. האט רבי יהודה גיזאגט צו רבי שמעון פאר וואס עסטו ניט. האט רבי שמעון גזאגט דיא פייגען גייען קיין מאהל ניט ארויס פון בויך. האט רבי יהודה גזאגט בארף מען זיי דאך געווים עסין דארום מען וועט נאך מארגין אויך זאט זיין. וועט מען ניט דארפין עסין קיין אנדער זאך:

ג רבי יהודה איז גיזעסין פאר רבי טרפון. האט רבי טרפון גזאגט צו רבי יהודה היינט איז דיין פנים פרייליך. האט רבי יהודה גזאגט צו רבי טרפון נעכטען זענין דיינע קנעכט ארויס גיגאנגען אין פעלד. אונ זייא האבין אונז גיבראכט תרדין אונ מיר האבין גיגעסין דיא תרדין אן זאלץ. אונ אז מיר וואלטין גיגעסין דיא תרדין מיט זאלץ. וואלטין מיר נאך פריילאכער גיוועזן. אמלכה האט אמאהל גיזאגט צו רבי יהודה, ער פסקנת דינים אונ איז שיכור. ווייל זיא האט גיזעהן דיין פנים איז אלע מאהל רויט אונ פריילאך האט זיא גמיינט ער איז שטענדיג שכור. האט רבי יהודה צו איהר גזאגט איך שווער בייא מיינע נאמנות. אז איך טרינק ניט מער קיין וויין נאר צו קידוש אונ צו הבדלה. אונ אז איך טרינק פסח בייא דעם סדר פיר כוסות וויין: האב איך קאפ שמערצין אז איך מוז גיין פארבונדען דיא שלייפין פון פסח ביז שבועות. נאר פאר וואס רעט איז זיין פנים גיוועזן רויט אונ פריילאך. אזוי וויא שלמה המלך האט גיזאגט דיא חכמה פון מענטשין מאכט לייכטין זיין פנים. אאפיקורס האט גזאגט צוא רבי יהודה דיין פנים זעהט אויס אדער אזוי וויא דער וואס פארבארגט געלט אויף פראצענט. אדער וויא דער וואס פאשעט חזירים. האט רבי יהודה גיזאגט צום אפיקורס בייא יודין זענין ביידע אסור. מען טאר נים פאר בארגין געלט אויף פראצענט. אונ מען טאר ניט פיטערין חזירים. נאר פאר וואס רעט זעה איך אויס אזוי גוט: ווייל פיר אונ צוואנציג בית הכסאות איז דא פון מיין שטוב ביז צום בית המדרש. אונ אזוי וויא איך גייא פון שטוב צום בית המדרש אונ פון בית המדרש צום שטוב גיי איך אריין אין יעדער בית הכסא. דריבער איז מיין גוף ריין זעה איך שיין אויס. רבי יהודה אז

ר' יהודה כד אזל לבי מדרשא שקיל גולפא על כתפיה אמר גדולה מלאכה שמכבדת את בעליה ר"ש שקיל צנא על כתפיה אמר גדולה מלאכה שמכבדת את בעליה דביתהו דר' יהודה נפקת נקטת עמרא עבדת גלימא דהוטבי כד נפקת לשוקא מכסיא (ליה) [ביה] וכד נפיק ר' יהודה לצלויי הוה מכסי ומצלי וכד מכסי (ליה) [ביה] הוה מברך ברוך שעטני מעיל זמנא חדא גזר רשב"ג תעניתא ר' יהודה לא אתא לבי תעניתא אמרו ליה לא אית ליה כסויא שדר ליה גלימא ולא קביל (דף ג) דלי ציפתא א"ל לשליחא חזי מאי איכא מיהו לא ניחא לי דאיתהני בהאי עלמא :

פניסס להוציס : גולפא. קנקן והיה מביאו לבהמ"ד כדי לישב עליו : שמכבדת את בעליה. שלא היה יושב ע"ג קרקע : דהוטבי. גלימא תאונה : שעטני מעיל. שהיה חשוב בעיניו כמעיל : דלי ציפתא. הגביה מחצלת : חזי מאי איכא. ראה כמה עושר יש בו ומעשה נסים היה בהתגלא כל אותו מקום זהוביס :
הות מנקיט תבנא מן מזייה. הות מלקטת התבן משערו : רמינא לך ירושלים דדהבא. תכשיט של זהב שירושלים מצוייר בה והכי עביד לה כדאיתא בפ' במה אשה : אליהו אדמי לון כאנשא. כדי לנחם אותם ולהראות להם שיש עניים יותר

ד רבי עקיבא איתקדשת ליה ברתיה (דבר כלבא) [דכלבא] שבוע שמע (בר) כלבא שבוע אדרה הנאה מכל נכסיה אזלה ואתנסיבת ליה בסיתוא הוו גנו בי תבנא הות קא מנקיט ליה תבנא מן מזייה אמר לה אי הואי לי רמינא לך ירושלים דדהבא אתא אליהו אידמי להון כאינשא וקא קרי אבבא אמר להו הבו לי פורתא דתבנא דאולידת אתתאי ולית לי מדעם לאגנוייה אמר לה ר"ע לאנתתיה חזאי האי גברא דאפי' תבנא

ער פלעגט גיין אין בית המדרש האט ער גיטראגין אקרוג אויף זיין אקסיל. ער זאל האבין אין בית המדרש אויף וואס צו זיצען : האט רבי יהודה גזאגט ארבעט איז גרויס ופיל ווערטו ווארום זיא גיט כבוד צו איהר בעל הבית : וויל איך האב גטראגין דעם קרוג האב איך כבוד אונ זיץ ניט אויף דיא ערד : רבי שמעון אז ער פלעגט גיין אין בית המדרש האט ער גיטראגין אקארב אויף זיין אקסיל. ער זאל האבין אין בית המדרש אויף וואס צו זיצען. האט רבי שמעון גזאגט ארבעט איז גרויס ופיל ווערטו ווארום זיא גיט כבוד צו איר בעל הבית : וויל איך האב גטראגין דעם קארב האב איך כבוד אונ זיץ ניט אויף דיא ערד : דיא ווייב פון רבי יהודה איז ארויס גגאנגען א.נ האט גהאלטין וואל אונ האט גימאכט פון דיא וואל אשיינע קלייד : ווען זיא פלעגט ארויס גיין אין גאס פלעגט זיא זיך צו דעקין מיט דער קלייד. אונ אז רבי יהודה פלעגט גיין דאוונען פלעגט ער זיך אויך צו דעקין מיט דער קלייד. אונ האט גדאוונט. אונ ווען ער פלעגט זיך צו דעקין מיט דיא קלייד פלעגט ער זאגין אברכה ברוך שעטני מעיל : גלובט איז גאט וואס ער האט מיך איינגעוויקילט אין אאויבער קלייד. אמאהל האט רבי שמעון בן גמליאל גוזר גיוועזן מען זאל פאנטין. אונ רבי יהודה איז ניט גיקומען צום תענית : האט מען גיזאגט צו רבי שמעון בן גמליאל רבי יהודה האט ניט קיין קלייד אין וואס צו קומען. האט רבי שמעון בן גמליאל געשיקט אקלייד צו רבי יהודה. האט רבי יהודה ניט גיוואלט נעמען דיא קלייד. האט רבי יהודה אויף גהויבין אראגוזע אונ האט גזאגט צום שליח זעה וויא פיל רייכקייט דא ליגט. ועס איז געווארין אגאס אונ אונטער דיא ראגאזע איז גילעגין פיל געלט. נאר איך וויל ניט הנאה האבען פון דיא וועלט :

ד רבי עקיבא האט מקדש גיוועזן דיא טאכטער פון כלבא שבוע ועיין כתובות פרק הנ : דיא כלבא שבוע האט דאס גיהערט האט ער אנדר גיטאהן זיין טאכטער זאל ניט הנאה האבען פון זיין פאר מעגין. אונ דיא טאכטער איז גיגאנגען אונ האט חתונה גיהאט מיט רבי עקיבא אום ווינטער. אונ זייא זענין גישלאפין אויף שטרויא. אין דער פריא פלעגט זיא אויס קלויבין דיא שטרויא פון זיינע האר : האט רבי עקיבא צו איר גזאגט אז איך וועל האבען געלט וועל איך דיר מאכען אגאלדענעם ירושלים וואס איז גיוועזן אזו אצירונג אגאלדענע בלעך אויס גימאהלט דיא שטאט ירושלים : איז גיקומען אליהו הנביא אונ האט זיך פאר שטעלט אזו וויא

תבנא לא אית ליה אמרה ליה זיל הוי בבי רב אזיל הוה תרתי סרי שנין קמיה דר"א ור' יהושע למשלם תרתי סרי שנין קם ואתא לביתיה שמע מאחורי ביתיה דקא אמר לה חד רשע לדביתהו שפיר עביד לך אבוך חדא דלא דמי ליך ועוד שבקך ארמלות חיות כולהן שנין א"ל אי מינאי דילי צאית ליהוי תרתי סרי שנין אחרינא אמר הואיל ויהבית לי רשותא אהדר לאחורי' הדר אזל הוה תרתי סרי שנין אחרינתא אתא בעשרים וארבעה אלפין זוגין תלמידים נפוק כולי עלמא לאפיה ואף היא קדמה למיפק לאפיה אמר לה ההיא רשיעא ואת להיכן אזלת אמרה ליה (משלי יב) יודע צדיק (דין דלים) (נפש בהמתו) אתת לאתחזאה ליה קא מדחו לה רבנן אמר להם הניחו לה שלי ושלכם שלה הוא שמע אבוה אתא ואיתשל על נדריה ואשתרי מן נכסיה:

ה מן שית מילי איתעתר ר"ע מן (בר) כלבא שבוע ומן אילא דספינתא דכל ספינתא עבדא ליה

הכא: דלא חזי לך: שלום וחמס לך ממשפחת הכוהה כמותך: ולא לכוין. שלא היו לה בגדים ללבוש: יודע צדיק (דין דלים) [נפש בהמתו] יודע הוא זה דמה שנשתעבדתי בשבילו אית דאמרי דאיהי הוה ידעה דר"ע הוא ואמרה ליה דלא מתגנית כעניה ואית דאמרי דלא הוה ידעה אלא הכי קא אמרה דצדיק לא מבזי לאיניש: שלי ושלכם שלה הוא. תורתי ותורתכם בשבילה הוא שנתנה לי עצה למיזל לבי רב:

איתעתר רבי עקיבא מן (בר) כלבא שבוע. דפליג ליה בנכסיה: אילא דספינתא. בכל ספינה היו עושין דמות איל מעץ לנחש ולסימן שתהא ספינה קלה בהליכתה כאיל והיו ממלאים אותו דינרי זהב. [א"נ] חד מן ענא עושין איל של

אמענטש. און האט געזאגט ביי דיא מיר גיט מיר אביסול שטרויא וואָרום מיין ווייב האט געבארן אקינד. און איך האב גאר ניט אויף וואס איר צוא לייגן שלאָפן. האט רבי עקיבא געזאגט צוא זיין ווייב זעה דעם מענטשין אפילו אביסול שטרויא האט ער ניט. האט דאס ווייב געזאגט צו רבי עקיבא גייא לערנען אין בית המדרש. איז ער גיגאנגען אין בית המדרש און האט גילערנט צוועלף יאהר פאר רבי אליעזר און רבי יהושע. ווען דיא צוועלף יאהר האבען זיך אויס גילאָזין. איז רבי עקיבא גיקומען אהיים. ווען ער איז גישטאנען אינטער דיא שטוב איידער ער איז אריין גיגאנגען. האט ער גיהערט ווי א רשע זאגט צוא זיין ווייב: דיין פאטער האט דיר גוט גיטאהן: וואס ער האט אנדער גיטאהן דוא זאלסט ניט הנאה האבען פון זיין פאר מעגין. איין מאהל ווייל דיין מאן איז ניט גלייך צוא דיר. עס איז ניט אזוי איחסן ווי דוא ביסט. און דאס אנדערע ער האט דיך גילאזין אלעבעדיגע אלמנה אויף דיין גאנץ לעבין: האט זיא געזאגט צוא דעם רשע ווען מיין מאן וואלט מיך גיפאלגט וואלט ער גילערנט אין בית המדרש נאך צוועלף יאהר. האט רבי עקיבא געזאגט צוא זיך אליין. ווייל מיין ווייב גיט מיר רשות (זי ערלויבט מיר) וועל איך גיין צוריק אין בית המדרש. איז ער גיגאנגען צוריק אין בית המדרש און האט גילערנט נאך צוועלף יאהר. איז ער גיקומען אהיים מיט פיר און צוואנציג טויזענד פאר תלמידים. זענען אלע מענטשין פון שטאט ארויס גיגאנגען געגין רבי עקיבא. און דיא ווייב פון רבי עקיבא איז אויך גיגאנגען אנטקעגין. האט דער רשע צוא איר געזאגט וואו הין גייסטו. (עס איז ניט שיין דוא זאלסט גיין אין אזעלכע אָרעמע קליידער) און זייא האבען ביידע ניט גיוואוסט אז דאס איז איר מאן רבי עקיבא מען האט נאר גיהערט אין שטאט אז עס קומט אחכם מיט פיר און צוואנציג טויזענד פאר תלמידים. זענען אלע גילאפין אנטקעגין. האט זיא געזאגט צו דעם רשע אצדיק ווייס דעם נפש פון זיין בהמה. ער איז ניט מצער און פאר שעמט ניט אפילו א בהמה. ווען ער א ארעמע מענטשין געווים ניט פאר שעמען. ווייא זיא האט גיזעהן אז דאס איז איר מאן. איז זיא צו גיגאנגען צו אים. האבען איר דיא תלמידים גיוואלט אפ שטויסין. האט רבי עקיבא צוא זייא געזאגט לאזט איר. מיין תורה און אייער תורה. איז אלץ דורך איר. ווייל זיא האט מיר גיגעבין אעצה איך זאל גיין אין בית המדרש לערנען. דער נאך האט דער פאטער גיהערט אז רבי עקיבא איז איר מאן. איז ער גיקומען מען זאל אים מתיר זיין דעם נדר כדי רבי עקיבא מיט זיין ווייב זאלין מעגין הנאה האבין פון זיין פאר מעגין:

הן מן: פון זעקס זאכען איז רבי עקיבא רייך גיווארין. איין מאהל פון כלבא שבוע. וויי ער

ויה (חד מן ענא) [מין עינא] ומנא חדא אנשיוה על כיף ימא אתא הוא אשכחיה ומן גוזא דזמנא חדא יהיב ד' זוזי לספונאי אמר להון אייתו לי מדעם ולא אשכחו אלא גוזא על כיף ימא אתיוה ליה אמרו ליה עביד מרנא עליה אשתכח דה"ה מלי דינרי דזמנא חדא טבעה ספינתא וכולי עסקא הוה מחית בההוא גוזא ואשתכח בההוא זמנא [ומן דסרוקיתא] ומן מטרוניתא ומן

זכב או עי ממין סלון: אנשייה על כיף ימא. ששכחו לאותו איל על שפת הים ומצאו ר"ע: ומן גוזא. היבה עשויה לאצניע בתוכה ממון כספים כדאמרינן בי גוזא דרחמנא [לשון] אוצר: ד' זוזי לספונאי. ליורדי הים באניות: אייתו לי מדעם. הביאו לי שום דבר: מרנא עליה. ימתין אדונו עליו עד שנביא לך יותר: ומן מטרוניתא. פעם אחת הוצרכו ר"ע ותלמידיו מעות והלכו אצל מטרוניתא אמרה לו לר"ע הריני מלוה אותך ותהיה אתה לוה והקב"ה והים ערבים בדבר קבע לה זמן לפרעון כשהגיע הזמן חלה ר"ע הלכה אותה מטרוניתא על שפת הים אמרה רבש"ע גלוי וידוע לפניך שר"ע חולה ולא היה בידו לפרוע חובו ראה שאתה ערב בדבר מיד נשתטית בתו של קיסר ונטלה ארגז מלא אבנים טובות ודינרי זהב וזרקה לתוך הים והים הביאתו במקום שהיתה אותה מטרוניתא יושבת על שפת הים מיד נטלה אותו ארגז והלכה לה לימים נתרפא ר"ע ובא לו אצל אותה מטרוניתא ומעותיו בידו לפרעון חובו אמרה לו הזרתי אצל הערב וזאת פרע כל חובו והא לך מה

ער האט אים גיגעבין אהאלבין פאר מעגין. צוויטינס פון דעם איל וואס אויף דיא שיף ווארום פאר צייטין פלעגין דיא שיפערם מאכען אויף דיא שיף אאיל דאס איז אחיה וואס לויפט געשווינד) פון האלץ. אונ איננווייניג פלעגין זייא אן שיטען רענדלאך גאלדענע דאס זאל זיין אגוטער סימן: אז דיא שיף זאל לויפען אזוי געשווינד וויא דיא חיה. אונ זיא זאל ברייגען מיט איר האנדל פיל גאלד. אמאהל האט מען פאר געסין אונ מען האט גילאזט שטיין דעם איל מיט רענדלאך ביי דעם ברעג ים: איז גיקומען רבי עקיבא אונ האט אים גיפונען. דם דריטע. פון דעם קאסטין פון דיא שיף. אמאהל האט רבי עקיבא גיגעבין פיר גילדען צו דיא שיפערם אונ ער האט גזאגט צוא זייא ברייננגט מיר עפעס. האבען זייא ניט גיהאט וואס אים צו ברייגען. נאר זייא האבען גיפונען אקעסטיל ביי דעם ברעג ים. האבען זייא גיבראכט דיא קעסטל צו רבי עקיבא: אונ זייא האבען גזאגט צוא רבי עקיבא זאל אונזער רבי ווארטין ביז מיר וועלין עפעם ברייגען. האט רבי עקיבא גיעפינט דיא קעסטיל אונ האט גיפונען אין איר פול געלט. ווארום אמאהל איז דער טרונקין גיווארין אשיף: אונ דאס גאנצע אוצר פון דער שיף איז גילעגין אין דעם קעסטיל. אונ איצט האט מען דיא קעסטיל גיפונען בייא דעם ברעג ים. אונ דיא קעסטיל איז גיוועזען פון ישמעאלים (טירקען): ועיין מהרש"א. דיא פיערטע. פון ארייכע פרויא. אמאהל האט רבי עקיבא מיט זיינע תלמידים גידארפט געלט. איז רבי עקיבא גיגאנגען צוא אבייכע פרויא זיא זאל אים דאס געלט בארגין. האט זיא גזאגט צו אים איך וועל דיר בארגין דאס געלט: נאר אויב גאט אונ דער ים וועלין מיר גוט שטיין פאר דעם געלט. אויב דו וועסט מיר ניט בצאהלין זאלין זייא מיר בצאהלין. אונ רבי עקיבא האט אויס גיזעצט אצייט ווען ער זאל בצאהלין. ווען דיא צייט איז גיקומען צום בצאהלין איז רבי עקיבא קראנק גיווארין. איז גיגאנגען דיא פרויא צום ברעג ים. אונ זיא האט גזאגט רבונו של עולם דוא ווייסט דאך אז רבי עקיבא איז קראנק אונ ער קען ניט בצאהלין אונ ער האט גזאגט אז דוא אונ דער ים וועלין בצאהלין: איז באלד משוגע גיווארין דיא טאכטער פון קיסר. אונ זיא האט גינומען אקעסטיל פול מיט דימאנטען אונ גאלדענע רענדלאך אונ האט אריין גיווארפין אין ים. אונ דיא קעסטיל איז גישוואומען ביז צוא דעם ארט ים וואו דיא פרוי איז גישטאנען. האט זיא גינומען דאס קעסטיל אונ איז גיגאנגען אהיים. דער נאך איז רבי עקיבא גיזונד גיווארין. איז ער גיקומען מיט געלד צוא דיא פרויא איר בצאהלין דעם חוב: האט דיא פרויא גזאגט איך בין גיוועזען ביי דעם ים וואס ער איז גוט גישטאנען פאר דעם געלט. אונ ער האט מיר בצאהלט דעם גאנצען חוב. אונ נא דיר אוועק וואס ער האט מיר גיגעבין. אונ פון דעם געלט איז רבי עקיבא רייך גיווארין: דיא פינפטע. פון טורנוסרופוס ווייב איז אויך רבי עקיבא רייך גיווארין. ווארום רבי עקיבא אונ טורנוסרופוס פלעגין אריין קומען צום קיסר. אונ ווען זייא פלעגין זיין בייא דעם קיסר. פלעגט רבי עקיבא דער צערענען דעם טורנוסרופוס. ער פלעגט אים פרעגין קשיות פון

ומן אשתו של טורנוסרופוס ומן קטיעא בר שלום

(ע"ב) ו רב גמדא יהב ד' זוזא לספונאי לאתויי בהו מדעם לא אשכחו איתו ליה בהון קופא אישתמיט עייל לחרתא חפרו בתריה אשכחוה דרביע על מרגליתא אייתינון ליה כולהון:

ז אמרה ליה בת קיסר לר' יהושע בן חנניה (חכמה) [תורה] מפוארה בבלי מכוער א"ל לא למדת מבית אביך במה מחתין יי; אמרה ליה במאני דפחרא.

אמר

מה שנתן לו יוסף ומאותו ממון שהחזירה לו נתעשר ר"ע: ומן אשתו של טורנוסרופוס. שהיה ר"ע מקפחו בקראו בפני קיסר ומקנתרו בדברים פעם אחת בא לביתו סר וזעף אמרה ליה אשתו מפני מה פניך זועפים אמר לה מפני ר"ע שמקנטר אותי בכל יום בדברים אמרה לו אלהיהם של אלו שונא זמה הוא תן לי רשות ואכשיל אותו בדבר עבירה לפי שהיתה יפה תואר נתן לה רשות ונתקשטה והלכה לה אצל ר"ע וגלתה שוקה כשראה ר"ע אותה רק ושחק ובכה אמרה לו מה אינון הני תלת מלין אמר לה שתים אפרש שלישית לא אפרש רקקתי על שבאת מטפה סרוחה. בכיתי על האי שופרא דבלי בארעא והוא שחק שצפה ברוה"ק שעתידה להתגייר ולהנשא לו ולא רצה להודיעה. אמרה לו כלום יש תשובה אמר לה אין הלכה ונתגיירה ונשאת לו לר"ע הכניסה לו ממון הרבה: ומן קטיעא בר שלום. בפ"ק דעבודה זרה שנתן כל ממונו לר"ע ותלמידיו:

קופא. קוף: אישתמיט. ברח ונכנס תוך חור אחד: אייתינון [ליה] כולהון. ממדת חסידות ולא מן הדין:

מכוער

פסוקים. און טורנוסרופוס פלעגט ניט וויסען צוא ענפערין. אמאהל איז טורנוסרופוס גיקומען אהיים זייער טרויעריג. האט דאס ווייב צוא אים גזאגט פאר וואס ביסטו אזו טרויעריג. האט ער צוא איר גזאגט ווייל רבי עקיבא דער צערונט מיך אלע טאג מיט זיינע רייד. האט דס ווייב גזאגט צום מאן דער גאט פון די יודין האט פיינט מען זאל מזנה זיין. ערלויב מיר וועל איך אן ריידין רבי עקיבא ער זאל מיט מיר מזנה זיין וועט ער זינדיג ווערין. האט ער איר ערלויבט. און זיא איז גיגאנגען אויס געציהרט צוא רבי עקיבא. און זיא האט אויף גידעקט איהרע אפוס ביז איבער דיא קניא: רבי עקיבא זאל זעהן איר שיינקייט. און וויא רבי עקיבא האט איר פוס דער זעהן. האט ער געשפיגען און גילאכט און גיוויינט. האט זיא גזאגט צוא רבי עקיבא זאג מיר וואס זענען דיא דרייא זאכין. האט רבי עקיבא צוא איר גזאגט צוויי זאכען וועל איך דיר זאגין: און דיא דריטע זאך וועל איך דיר ניט זאגין. איך האב געשפיגען ווייל איך האב מיך דער מאנט פון וואס פאר אמיאוס ארט דוא ביסט גיבארין גיווארין. איך האב גיוויינט ווייל אזו א שיינקייט וועט אמאהל פאר פוילט ווערין אין די ערד. און וואס ער האט גילאכט ווייל ער האט גיזעהן אז ער וועט מיט איר חתונה האבין. און דאס האט ער איר ניט גיוואלט זאגין. האט זיא גזאגט צוא רבי עקיבא קען איך נאך תשובה טאהן: האט רבי עקיבא גיזאגט יא. איז זיא גיגאנגען און האט זיך מגייר גיוועזן. און האט חתונה גיהאט מיט רבי עקיבא. און הט אים גיגעבין פיל געלט. דיא זעקסטע איז פון קטיעא בר שלום. ווארום קטיעא בר שלום האט גישיינקט זיין גאנץ פאר מעגין צוא רבי עקיבא מיט זיינע תלמידים:

ו רב גמדא האט גיגעבין פיר גילדען צוא דיא שיפערס זייא זאלין אים עפעס ברייגגען. האבען זייא ניט גיפונגען וואס צוא ברייגגען פון זיינעט וועגין. האבען זייא אים גיבראכט אמאלפע. איז דיא מאלפע אנטלאפין און האט זיך בעהאלטין אין אלאך. האט מען גיגראבין אין דיא לאך ארוים צוא נעמען דיא מאלפע. האט מען גיפונגען זיא ליגט אויף אפעריל. האבין די שיפערס גינומען די אלע פעריל און האבן גיבראכט צו רב גמדא.

(דף נ"א ע"ב) **ההוא** נואף דעל גבי דהאי אינתתא אתא גברא סליק נואף איתיב (ובלי) [בכלאי] בבא הוה מחתן תחלי תמן וטעמינון חויא בעי מרי דביתא למיכל מן ההוא תחלי בלא דעתא דאינתתא א"ל ההוא נואף לא תיכול מנהון דטעמינן חויא אמר רבא אינתתיה שריא אם איתא דעבד איסורא ניחא ליה דליכול ולימות דכתיב (יחזקאל כג) (אנשי דמים) [כי] נאפו ודם בידיהן פשיטא מהו דתימא איסורא עביד והאי דא"ל דניחא ליה דלא לימות בעל דתיהוי אינתתא עילויה (משלי ט) מים גנובים ימתקו ולחם סתרים ינעם קמ"ל :

לעסוק ולבנות הלכות ולא אכתייעא מלתא ואית דמפרש דהיינו (בגפא) [בכפא] ברך יהידי במעלה ולמטה כאדם שעולה בחבל באילן (תובליא) [תובלייא] חבל כדאמרינן בב"ב מאן דנקיט מגליה ותובלית ואמר אזיל ואגזור דיקלא דפלניא : ושבשיה ואינסביה איתתא . [הטעהו לומר שלא יהא נאסר לאחר מכן ואנסביה אתתא כדי שיחול הנדר] : ושרקיה טינא . טח פניו בטיט כדי שלא יכירהו רב חסדא כאילו היה אדם אחד מהם שנדר שלא ישא אשה כדי שיתיר לו דאפשר אילו היה מכירו לא היה מתיר לו : מאן חכים למעבד כי האי מילתא . שדקדק בכך שהשיאו אשה קודם שישאל על נדרו כדי שיחול הנדר עליו קודם שאלה דקסבר כר' נתן דאמר לא יפר הואיל ולא חל הנדר דר' נתן דיינא הוא ונחית לעומקא דדינא :

ועל נעמען אווייב איידער איך וועל האבען אוים גילערנט אלע דינים . איז ער גילאפען אויף דעם לייטער וואס שטייט ביי דעם טייטל בוים . אונ האט פאר ווארפין אשטריק אויף דיא צווייגין אראפ צו ביינגין זייא . דאס מיינט מען דער מענטש האט אלץ גיטאן ער איז גילאפען ארוף אונ אראפ . אונ האט גיארבעט ער זאל קענען לערנען . אונ עס האט ניט גיהאלפען ער האט ניט גיקענט לערנען . איז גיקומען רב אחא בר הונא אונ האט גינארט דעם מענטשין ער האט אים גזאגט דער נדר איז גאר ניט ער מעג נעמען אווייב . אונ ער האט גינומען אווייב . דער נאך האט רב אחא בשמירט דעם מענטשינס פנים מיט ליים . מען זאל אים ניט דער קענען . אונ ער הט אים גיבראכט פאר רב חסדא . ער זאל אים מתיר זיין דעם נדר . הט רבא גזאגט ווער איז אזוי קלוג צו טאהן אזו אזאך . ווען ניט רב אחא בר רב הונא וואס ער איז אגרויסער מענטש ער הט גיוואוסט וויא צו טאן :

ד ההוא : איינער איז אמאהל גיקומען צו אאשה ער זאל מיט איר מזנה זיין . דער ווייל איז אן גיקומען דער מאן . איז דער מענטש גיגאנגען אונ הט זיך בעהאלטען אונטער דעם פארהאנג פון דער טיר . דארט אין שטוב איז אבער גילעגין תחלי וואס אשלאנג האט פון זייא גיגעסין : האט דער בעל הבית פון שטוב (דער מאן) גיוואלט עסין פון דיא תחלי . אונ דאס ווייב איז ניט גיוועז דער ביי . האט זיא ניט געוואוסט אויב דער מאן וויל דיא תחלי עסין אדער ניין . האט דער מענטש אגישריי גיטאהן פון אונטער דעם פארהאנג צום מאן דוא זאלסט ניט עסין פון דיא תחלי ווארום אשלאנג האט פון זייא גיגעסין : האט רבא גזאגט דער מאן מעג וואוהנען מיט די ווייב . ווארום עס איז געווים אז זיא האט נאך ניט מזנה גיוועזן מיט דעם מענטש : ווארום אז דער מענטש וואלט שוין גיהאט מיט איר מזנה גיוועזן . וואלט ער דאך וועלין אז דער מאן זאל עסין דיא תחלי אונ ער זאל שטארבין . אזו וויא עס שטייט אין פסוק כי נאפו ודם בידיהן . דיא וואס זענען מזנה איז דא בלוט אין זייערע הענט . זייא הרגנן דיא מאנען פון דיא ווייבער . פרעגט דיא גמרא געווים אז עס איז אזו דער דין . ענטפערט דיא גמרא איך וואלט וועלין מיינען . דער מענטש האט טאקי מזנה גיוועזן מיט דיא אשה . נאר פאר וואס האט ער גזאגט צו איר מאן ער זאל ניט עסין דיא תחלי . ווייל ער האט גיוואלט איר מאן זאל לעבין . וועט זיין ווייב זיין אסור צוא אים . ווארום זיא וועט דאך זיין ווייטער אאשת איש . וועט ער וועט מיט איר מזנה זיין וועט ער מער הנאה האבען . אזו וויא עס שטייט אין פסוק גיגנבהע וואסער איז זים אונ פאר בארגענע ברויט איז גישמאק . זאגט אונז רבא אז מיר זאגען ניט אזו . אונ דם ווייב איז מותר צום מאן :

מסכת נזיר פרק ראשון

(דף ב ע"ב) **א תניא** (שמות טו) **זה אלי ואנוהו** אנאה לפניו במצות אעשה לפניו סוכה נאה לולב נאה ציצית נאה אכתוב לפניו ס"ת נאה ואכרכנו בשירים נאים :

(דף ג) **ב פיסקא** הרי עלי לשלח פרע הרי זה נזיר כמאי דהדין שילוח ריבויא הוא דכתיב (ש"ה ד) שלחיך פרדס רמונים אימא מידי (דעבר) [דעבורי] כדכתיב (איוב ה) ושולח מים על פני חוצות תנא פרע פרע יליף כתיב הכא (במדבר ו) קדוש יהיה גדל פרע שער ראשו וכתיב התם גבי כהן הדיוט (יחזקאל מד) ופרע לא ישלחו ואבע"א האי שולח מים נמי רבוי הוא כדמתרגם רב יוסף כרמשקן ליה מיא לפירא ורבי :

(ע"ב) **ג האומר** ימין הו"ז שבועה מ"ט לאו משום דכתיב (דניאל יב) וירם ימינו ושמאלו אל

פירוש

[גבלאי בכח. במקן שנפני הדלת] : כלא דעתא דאיתתא. שאינו היתה יודעת לא היתה פותחת לאכול : [ניחא ליה דניכול ול מות. כדי שתהא מטיה ליה בכל עת] : כי אלפו ודם בידיהן. דשאפין סורגין הבעלים : מהו דתימא איסורא עביד. אלי נבחה : והאי דא"ל. הכי משום דלא לימות דסיבוי איתתא שלויה מים גנובים ימתקו : קמ"ל. דלא אמרינן הכי ושריא :

כמאי דהדין שילוח רימיא הוא. כדקאמרת דלגדל פרע משמע : דכתיב שלחיך פרדס רמונים. גדולך שגדלין יהיו כפרדס רמונים שצמח ומתגדל : אימא דשלוח מידי (דעבר) [דעבורי] הוא דמשמע שיגוז שערו כמפנה מים ומעבירם ממקום למקום כדכתיב ושולח מים וגו' [והאי נמי דאמר הרי עלי לשלח פרע משמע דאמר הרי עלי להעביר פרע] : הכא פרע פרע יליף כתיב הכא. בנזיר גדל פרע : וכתיב גבי כהן הדיוט ופרע לא ישלחו. מה פרע דכתיב גבי כהן הדיוט לישנא דריבוי הוא כדאמרינן בפרק כ"ג אף פרע האמור גבי נזיר גידול שער הוי והכי משמע שיניחנו לגדל עד שיהא לכלל פרע שהן שלשים יום :

משמע ימין. שלא תאמר טבל זו ה"ז שבועה : מ"ט לאו משום דכתיב וירם ימינו ושמאלו אל השמים וישבע בחי העולם : דקמתפים ימינו לישבע

פרק ראשון

א תניא. מיר האבען גילערנט עס שטייט אין פסוק זה אלי ואנוהו : דאס איז מיין גאט און איך וועל אים בשיינען. איך וועל שיין ווערן פאר אים מיט מצות. איך וועל מאכען פאר אים אשיינע סוכה. אשיינעם לולב. שיינע ציצית. איך וועל שרייבען פר אים אשיינע ספר תורה : און איך וועל זיא איינוויקלען אין שיינע זיידענצייג :

ב פיסקא. הרי עלי לשלח פרע : אז איינער זאגט איך נעם אויף מיר צוא לאזין וואקסען דיא האר. איז ער אנזיר : פרעגט דיא גמרא פון וואנען ווייסען מיר אז שלח איז דער טייטש וואקסען. וואורום עס שטייט אין פסוק שלחיך פרדס רמונים : דיינע וואקסונג איז אזוי וויא אגאנץ וואקסען מילגרוימען אין אגארטען. פרעגט דיא גמרא מאמער איז שלחיך דער טייטש ווארף גיין. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ושולח מים על פני חוצות. ער שיקט דיא וואסער זאל גיין ווייט די גאסען. אונ אז ער האט גזאגט הרי עלי לשלח פרע : האט ער גימיינט איך נעם אויף מיר איך זאל אראפ שערין דיא האר וואס וועט אויף וואקסען. זאגט דיא גמרא דער תנא לערינט גיט פון דעם ווארט לשלח. נאר פון ווארט פרע : דא שטייט ביי נזיר ער זאל זיין הייליג גדל פרע שער ראשו. ער זאל לאזין וואקסען דיא האר פון זיין קאפ. אונ עס שטייט אין פסוק ביי דעם כהן הדיוט ופרע לא ישלחו. די האר זאלין זיא ניט לאזין וואקסען ביז דרייסיג טעג. ווערן מיר אז האר וואקסען ביז דרייסיג טעג הייסט פרע. אזוי ביי נזיר אז עס שטייט גדל פרע מיינט מען ער זאל לאזין וואקסען דיא האר ביז דרייסיג טעג. דריבער אז איינער זאגט איך נעם אויף מיר לשלח פרע. מיינט ער איך זאל זיין אנזיר אונ זאל ניט אפ שערין דיא האר ביז זיא וועלין זיין גיוואקסען דרייסיג טעג. אונ אויב דוא ווילסט וועל איך דיר זאגין אז שולח מים מיינט מען אויך וואקסען. אזוי וויא רב יוסף האט גיטייטשט דעם פסוק שולח מים על פני חוצות. אזוי וויא מען טרינקט אן וואסער צוא דיא פירות אונ זיא וואקסען :

ג האומר. אז איינער זאגט דיא רעכטע האנט איך זאל גיט עסין דעם ברויט. דאס איז אשבועה ער זאל דעם ברויט ניט עסין : פון וואנען ווייסען מיר אז דאס איז אשבועה. גשריבען עס שטייט אין פסוק ער האט אויף גיהויבען זיין רעכטע האנט און זיין לינקע האנט צום הימעל

אל השמים וישבע בחי העולם אמרי לאו משום דימין גופה איקרי שבועה דתניא מנין לאומר ימין שהוא שבועה שנא' (ישעיה סב) נשבע ה' בימינו ומנין לאומר שמאל שזו שבועה שנא' (שם) ובזרוע עזו:

(דף ד ע"ב) **ד תניא** רבי יהודה אומר נזיר שמשון מותר ליטמא למתים שכן מצינו בשמשון שנטמא ר"ש אומר האומר נזיר שמשון לא אמר כלום שלא מצינו בשמשון שיצאת נזיקות מפיו וכו' ושמשון לאו נזיר הוה והכתיב (שופטים יג) כי נזיר אלהים יהיה הנער התם מלאך הוא דקאמר ומנ"ל דאיטמי למתים אילימא מדכתיב (שם טו) בלחי החמור הביתי אלף איש דילמא (שם יד) גרדויי גדיא בהו ולא נגע בהו אלא מהכא ויך מהם שלשים איש ויקח את חליצותם דילמא אשלחינן ברישא והדר קטלינהו ויך ויקח כתיב ודילמא גוססין שוינן אלא גמרא גמירא לה:

ה ונזיר עולם היכא כתיב דתניא] רבי אומר אבשלום נזיר עולם היה שנא' (ש"ב טו) ויהי מקץ ארבעים

דסמיך ליה: [לא. ימין שהוא כמו זה דפי' שנאמר נשבע ה' בימינו. בימינו אמר ונחשב כשבועה]: שנאמר ובזרוע עזו. מדכתיב ימינו וכתיב ובזרוע עזו אלמא דזרוע היינו שמאלו [והכי נמי אמרינן בפ"ק דברכות מנין שהקב"ה מניח תפילין דכתיב ובזרוע עזו ואין עוזו אלא תפילין וכו' ותפילין בשמאל קיימא]:
ושמשון לאו נזיר הוה והכתיב כי נזיר אלהים יהיה הנער. וקס"ד דמנוח קאמר להא מילתא דסו"ל דבר הגדול שאדם מדיר את בנו נזיר: מלאך הוא דקאמר. כי נזיר אלהים יהיה הנער: דילמא גרדויי גדיא בהו. מחתך בהן אבל הוא גופיה לא נגע בהו: ויך ויקח. דמשמע ויך והדר ויקח: [גוססין שויק. ובהדי דהוו גוססין אשלחינהו ולא איטמי בהו]:
[ונזיר עולם היכא כתיב. שמיקל בשער וכו']:

הימעל אונ ער האט גישוואורין ביי דעם וואס לעבט אייביג. זאגט דיא גמרא עס איז ניט אזוי. נאר אז מען זאגט ימין. דיא רעכטע האנט: דאס אליין איז אשבועה. ווארום מיר האבען גילערנט פון וואנען ווייסען מיר אז איינער זאגט ימין. דיא רעכטע האנט. דאס איז אשבועה: ווארום עס שטייט אין פסוק נשבע ה' בימינו גאט האט גישוואורין ביי זיין רעכטע האנט. אונ פון וואנען ווייסען מיר אז איינער זאגט שמאל. דיא לינקע האנט. דס איז אשבועה. ווארום עס שטייט אין פסוק ובזרוע עזו: אונ ביי זיין שטארקען ארעם ביי דיא לינקע האנט האט אויך גאט גישווארין:

ד תניא: מיר האבען גילערנט רבי יהודה זאגט אז איינער זאגט ער זאל זיין אנזיר אזוי וויא שמשון: מעג ער זיך מטמא זיין צו מתים: ווארום שמשון האט זיך אויך מטמא גיוועזן צוא מתים: רבי שמעון זאגט אז איינער זאגט ער זאל זיין אנזיר אזו וויא שמשון. איז ער ניט קיין נזיר. ווארום שמשון האט אויך ניט גזאגט אויף זיך ער זאל זיין אנזיר. פרעגט דיא גמרא איז דען שמשון ניט גיוועזן אנזיר. עס שטייט דאך אין פסוק מנוח האט גזאגט אנזיר פון גאט וועט זיין דער קינד. זאגט דיא גמרא ניט מנוח האט דאס גזאגט. נאר דער מלאך האט דאס גזאגט, אז שמשון איז אנזיר פון גאט: אונ פון וואנען ווייסען מיר אז שמשון האט זיך מטמא גיוועזן צוא מתים: זאלין מיר זאגין ווייל עס שטייט אין פסוק מיט דיא באק פון איידל האב איך גישלאגין טויזענד מענטשין. טאמער האט ער זייא נאר גישלאגין מיט די באק פון איזיל. אבער ער אליין האט ניט אן גערירט דיא מתים: נאר פון דאנען ווייסען מיר עס שטייט אין פסוק ער האט גישלאגין פון זייא דרייסיג מענטשין אונ ער האט גינומען זייערע קליידער. פרעגט דיא גמרא טאמער האט ער פריער גינומען זייערע קליידער. דער נאך האט ער זייא גיהרגת. זאגט דיא גמרא ניין: עס שטייט ער האט זייא גישלאגין אונ האט גינומען זייערע קליידער. פרעגט דיא גמרא טאמער האט ער זייא גימאכט פאר גוססין. האבען זייא נאך ניט מטמא גיוועזן. אונ דער ווייל האט ער אפ גיצויגען זייערע קליידער. זאגט דיא גמרא מיר האבען אזו גילערנט אז פריער האט ער זייא גיהרגת דער נאך האט ער אראפ גיצויגין פון זייא זייערע קליידער אונ ער האט זיך מטמא גיוועזן צוא מתים:

ה נזיר. וואו שטייט אין פסוק אז אאייביגער נזיר מעג פאר קירצען דיא האר מיט אמאל מעסער אויב עס איז אים שווער צוא טראגין דיא לאנגע האר: ווארום מיר האבען גילערנט רבי

ארבעים שנה ויאמר אבשלום (אל אביו כי נדר נדר עבדך בשבתו בגשור בארם) וגו' ואש' מה את נדרי ומגלח אחד לי"ב חדש שנאמר (שם יד) ויהי מקץ ימים לימים אשר יגלח וגו' (דף ה) ויליף ימים ימים מבתי ערי חומה מה התם י"ב חדש אף כאן י"ב חדש :

מי שאמר פרק שלישי

(דף יט) **א תניא** רבי אלעזר הקפר ברבי אומר מה ת"ל (במדבר ו) וכפר עליו מאשר חטא על הנפש וכי באיזה נפש חטא זה אלא מפני שציער עצמו מן היין (נקרא חוטא) וק"ו ומה זה שלא ציער עצמו אלא מן היין נקרא חוטא המצער עצמו מכל דבר עאכ"ו והא האי קרא בנזיר טמא כתיב ואנן אפי' נזיר טהור קא אמרינן קא סבר ר' אלעזר הקפר נזיר טהור נמי חוטא הוא והיינו טעמא דכתיב קרא בנזיר טמא הואיל ושנה בחטא :

הריני נזיר ושמע פרק רביעי

(דף כג) **א ת"ר** (במדבר ל) אישה הפרם וה' יסלח לה באשה שהפר לה בעלה והיא לא ידעה

ואשלמה את נדרי. היינו קרבנות מילות : [ויליף מבתי ערי חומה. דכתיב בהו ימים תהיה גאולתו] מה להלן י"ב חדש דכתיב עד מלאת לו שנה תמימה :

אלא אפילו בנזיר טהור קאמריק. מדמפרש ר' אלעזר הקפר טעמא דהכא בשביל שציער עצמו מן היין והיינו נזיר טהור : הואיל ושנה בחטא. שהכר הזיר עצמו מן היין ועכשיו שונה בחטא שהיה לו נזהר מן הטומאה ונטמא : אישה הפרם וה' יסלח לה. במה הכתוב מדבר אם באשה שנדרה והפר לה בעלה סליחה זו למה אלא וכו' :

מי

זָאגְט אַז אַבְשָׁלוֹם אִיז גִיוֶועֶן אַאֵייבִּיגֶער נָזִיר ; אַזוֹ וִויא עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק אוּנ עֶס אִיז גִיוֶועֶן צוּם סוֹף פֶערְצִיג יָאהר הָאט אַבְשָׁלוֹם גְזָאגְט צוּא זַיין פָאטֶער דַיין קְנֶעכְט הָאט גִיטָאהן אַנֶדֶר וֶוען עֶר אִיז גִיוֶועסִין אִין גְשׁוּר אִין אֲרָם ; וִויל אִיךְ בַּצָאהלִין מַיין נֶדֶר . אוּנ אַלֶע צְוֶועלְף חֳדָשִׁים הָט עֶר אָפּ גְגָאלְט דִי הָאר אֵיין מָאהל . אַזוֹ וִויא עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק אוּנ עֶס אִיז גִיוֶועֶן צוּם סוֹף יָמִים לְיָמִים פְלֶעגְט עֶר אָפּ גָאלִין דִיא הָאר . אוּנ מִיר לֶערְנֶען אָפּ יָמִים יָמִים פוּן בָּתֵּי עָרֵי חוֹמָה ; אַזוֹ וִויא דָארְט אִיז צְוֶועלְף חֳדָשִׁים רוּפְט מֶען יָמִים . אַזוֹי דָא יָמִים מֵיינְט מֶען אוֹיךְ צְוֶועלְף חֳדָשִׁים :

פרק שלישי

א תַּנְיָא . מִיר הָאבֶּען גִילֶערְנְט רַבִּי אֶלְעָזָר הַקַּפָּר בְּרַבִּי זָאגְט עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק מֶען זָאל מְכַפֵּר זַיין אוֹיף דֶעם נָזִיר וַוייל עֶר הָאט גֶעזִינְדִיגְט אוֹיף דֶעם נֶפֶשׁ . אוֹיף וֶועלְכִין נֶפֶשׁ הָט דֶער נָזִיר גֶעזִינְדִיגְט . נָאר עֶר הָאט גֶעזִינְדִיגְט אוֹיף זַיין אֵייגֶענֶעם נֶפֶשׁ . וַוייל עֶר הָאט מְצַעֵר גִיוֶועֶן זַיין נֶפֶשׁ אוּנ עֶר הָאט נִיט גִיטְרוּנְקֶען קֵיין וַויין . אוּנ מַאדָאךְ דֶער נָזִיר וָואס עֶר הָאט זִיךְ מְצַעֵר גִיוֶועֶן נָאר פוּן אֵיין זַאךְ . פוּן וַויין טְרִינְקֶען . הֵייסְט עֶר אַזִינְדִיגֶער . דֶער וָואס פַאסְט עֶר זָאל זִיךְ מְצַעֵר זַיין פוּן אַלֶע זַאכֶען . אִיז גֶעוִויס אַז עֶר הֵייסְט אַזִינְדִיגֶער ; פְרֶעגְט דִיא גְמָרָא דֶער פָּסוּק שְׁטֵייט דָאךְ בַּאיי אַנָזִיר וָואס אִיז טָמֵא גִיוָוארִין . אַז עֶר הֵייסְט אַזִינְדִיגֶער ; אוּנ מִיר זָאגִין אַז אֲפִילוּ אַנָזִיר וָואס אִיז טָהוֹר הֵייסְט אוֹיךְ אַזִינְדִיגֶער . עֶנְפֶערְט דִיא גְמָרָא רַבִּי אֶלְעָזָר הַקַּפָּר הַאלְט אַנָזִיר וָואס אִיז טָהוֹר הֵייסְט אוֹיךְ אַזִינְדִיגֶער . נָאר פַאר וָואס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק בַּיי נָזִיר טָמֵא אַז עֶר אִיז אַזִינְדִיגֶער . וַוייל אַנָזִיר טָמֵא הָאט גִיטָאהן צְוֵויי עֲבֵירוֹת . אֵיין עֲבֵירָה וָואס עֶר אִיז גִיוָוארִין אַנָזִיר . אוּנ דִיא אַנְדֶערֶע עֲבֵירָה וָואס עֶר הָאט מְטַמֵּא גִיוֶועֶן דִיא נְזִירוּת :

פרק רביעי

א תָּנוּ רַבָּנָן . דִיא רַבָּנָן הָאבֶּען גִילֶערְנְט עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק אַז דֶער מַאן הָט גִישְׁטֶערְט דֶער וַוייבְּס נְדָרִים . וֶועט גָאט אִיר מוֹחֵל זַיין וָואס זִיא הַאלְט נִיט אִיר נֶדֶר . גֶעוִויס וֶועט אִיר

ירעה הכתוב מדבר שהיא צריכה כפרה וסליחה וכשהיה מגיע ר"ע אצל פסוק זה היה בוכה ומה מי שנתכוון לעלות בידו בשר חזיר ועלה בידו בשר טלה טעון כפרה וסליחה המתכוון לעלות בידו בשר חזיר ועלה בידו בשר חזיר עאכ"ו וכיוצא בדבר אתה אומר (ויקרא ה) ולא ידע ואשם ונשא עונו ומה מי שנתכוון לעלות בידו בשר טלה ועלה בידו בשר חזיר [כגון חתיכה ספק של שומן ספק של חלב] אמר קרא ונשא עונו מי שנתכוין לעלות בידו בשר חזיר ועלה בידו בשר הזיר עאכ"ו איסי בן יהודה אומר ולא ידע ואשם ונשא עונו ומה מי שנתכוין לעלות בידו בשר טלה ועלה בידו בשר חזיר כגון ב' חתיכות אחד של חלב ואחד של שומן ונשא עונו המתכוין לעלות בידו בשר הזיר ועלה בידו בשר הזיר עאכ"ו על דבר זה ידוו הדווים :

מי שנתכוון . לאכול בשר חזיר ואכל בשר טלה גר' : המתכוין לאכול בשר חזיר . גר' דמשיקרא לאיסורא איכוון דהא לא ידעה דהפר לה בעלה מפוס הכי צריכה כפרה וסליחה :

וכל

ב אמר רבה בר בר חנה א"ר יוחנן מאי דכתיב (הושע יד) כי ישרים דרכי ה' צדיקים ילכו בם ופושעים יכשלו בם משל לשני בני אדם שצלו את פסחיהם אחד אכלו

גָאט מוֹחֵל זַיין. גָאט אַלֵיין הָאט דָאךְ גְזָאגְט אַז דֶער מַאן מֶעג פַאר שְׁטֶערִין דֶער ווייבְּס נְדָרִים. נָאר דָא שְׁמוּעֶסְט אַז אַאִשָׁה הָאט גִיטָאהן אַנֶדר לְמָשָׁל זִיא זָאל נִיט טְרִינְקֶען וַויין. אוּנ דֶער מַאן אִיז גִיוֶוען אִין גַאס הָאט מֶען אִים דֶער צֵיילְט פוּן זַיין ווַייבְּס נֶדֶר. הָט עֶר בַּאלְד גְזָאגְט עֶר וִויל נִיט דֶעם נֶדֶר. אוּנ דָאס ווַייבּ הָאט נִיט גִיוואוּסְט אַז דֶער מַאן הָט אִיר גִישְׁטֶערְט דֶעם נֶדֶר. נָאר זִיא הָאט אַלֵיין נִיט גִיהַאלְטִין דֶעם נֶדֶר אוּנ הָאט גִיטְרוּנְקִין וַויין. ווייל זִי הָט גִימֵיינְט צוּא זִינְדִיגֶען וַאֲפִילוּ אִין אֶמֶת הָאט זִיא דָאךְ נִיט גֶעזִינְדִיגְט. ווָארוּם דֶער מַאן הָט דָאךְ שׁוֹין גִישְׁטֶערְט דֶעם נֶדֶר) . דַארְף זִיא טָאהן תְּשׁוּבָה אוּנ בֶּעטִין בַּייא גָאט עֶר זָאל אִיר מוֹחֵל זַיין. אַז רַבִּי עֲקִיבָא פְלֶעגְט קוּמֶען צוּא דֶעם פָּסוּק פְלֶעגְט עֶר ווֵיינֶען. מַאדָאךְ אַז פַאר אֵיינֶעם אִיז גִילֶעגִין פְלֵייש. אוּנ עֶר הָאט גִימֵיינְט אַז דָאס אִיז חֲזִיר פְלֵייש. אוּנ עֶר הָאט דָאס גִיווָאלְט עֶסִין. אוּנ אִין אֱמֶת אִיז דָאס גִיוֶוען שֶׁעפְּסִין פְלֵייש. דַארְף עֶר גָאט זָאל אִים מוֹחֵל זַיין. דֶער ווָאס וִויל עֶסִין חֲזִיר פְלֵייש. אוּנ עֶר הָאט טַאקִי גִיגֶעסִין חֲזִיר פְלֵייש. אִיז גֶעווִיס אַז עֶר דַארְף בֶּעטִין גָאט זָאל אִים מוֹחֵל זַיין. נָאךְ אַזוֹי אַגְלַייכֶען שְׁטֵייט אִין פָּסוּק עֶר הָאט נִיט גִיווּסְט אוּנ עֶר הָט זִיךְ פַאר שׁוּלְדִיגְט. ווֶעט עֶר לֵיידִין זִינְד. מַאדָאךְ דֶער ווָאס הָאט גִיווָאלְט עֶסִין שֶׁעפְּסִין פְלֵייש אוּנ עֶר הָאט גִיגֶעסִין חֲזִיר פְלֵייש וּלְמָשָׁל עֶס אִיז גִילֶעגִין פַאר אִים אַשְׁטִיקוּל פֶעטְס. עֶר הָאט גִימֵיינְט דָאס אִיז שְׁמַאלְץ. הָאט עֶר גִיגֶעסִין. אוּנ דָאס אִיז גָאר גִיוֶוען חֵלֶב) . זָאגְט דֶער פָּסוּק עֶר ווֶעט לֵיידִין זַיין זִינְד. דֶער ווָאס הָאט גִיוָואלְט עֶסִין חֲזִיר פְלֵייש: אוּנ עֶר הָט טַאקִי גִיגֶעסִין חֲזִיר פְלֵייש. גֶעווִיס אַז עֶר ווֶעט גִישְׁטְרָאפְט ווֶערִין. אִיסִי בֶּן יְהוּדָה זָאגְט עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק עֶר הָאט נִיט גִיוואוּסְט אוּנ עֶר הָאט זִיךְ פַאר שׁוּלְדִיגְט. ווֶעט עֶר לֵיידִין זַיין זִינְד. מַאדָאךְ דֶר ווָאס הָאט גִיווָאלְט עֶסִין שֶׁעפְּסִין פְלֵייש אוּנ עֶר הָאט גִיגֶעסִין חֲזִיר פְלֵייש וּלְמָשָׁל עֶס אִיז גִילֶעגִין פַאר אִים צְווֵיי שְׁטִיקֶער פֶעטְס: אֵיינֶע אִיז גִיוֶוען חֵלֶב. אוּנ אֵיינֶע אִיז גִיוֶוען שְׁמַאלְץ. אוּנ עֶר הָאט גִיווָאלְט עֶסִין דִיא שְׁטִיקוּל שְׁמַאלְץ. אוּנ עֶר הָאט גִיגֶעסֶן דִיא שְׁטִיק חֵלֶב). זָאגְט דֶר פָּסוּק עֶר ווֶעט לֵיידִין זַיין זִינְד. דֶער ווָאס הָאט גִיווָאלְט עֶסִין חֲזִיר פְלֵייש אוּנ עֶר הָאט טַאקִי גִיגֶעסֶען חֲזִיר פְלֵייש. גֶעווִיס אַז עֶר ווֶעט גִישְׁטְרָאפְט ווֶערִין. אוֹיף דֶער זַאךְ דַארְף מֶען קְלָאגִין אוּנ ווֵיינֶען :

ב אָמַר. רַבָּה בַּר בַּר חָנָה הָאט גְזָאגְט פוּן רַבִּי יוֹחָנָן ווֶעגִין. עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק דִיא ווֶעגִין פוּן גָאט זֶענֶען גְלַייךְ דִיא צַדִיקִים גֵייעֶן אִין זֵייא אוּנ דִיא רְשָׁעִים ווֶערִין גִישְׁטְרוּכֶלְט אִין זֵיי. לְמָשָׁל צְווֵייא מֶענְטְשִׁין הָאבֶּען גִיבְּרָאטֶען זֵייעֶרֶע קָרְבַּן פְּסָחִים. אֵיינֶער הָאט גִיגֶעסֶן דֶעם קָרְבָּן

[של פסוק כזה לשם עבירה נאמר אבל ה"ה לכך זכות] : אלכן הי' אתה הגה

אכלו לשם מצוה ואחד אכלו לשם אכילה גסה זה
שאכלו לשם מצוה צדיקים ילכו בם וזה שאכלו לשם
אכילה גסה ופושעים יכשלו בם א"ל ר"ל האי רשע
קרית ליה נהי דלא קא עביד מצוה מן המובחר פסח מיהת הוא דקא עביד אלא משל
לשני בני ארם זה אשתו ואחותו (עמה בבית) [עמו] וזה אשתו ואחותו (עמה בבית)
[עמו] לאחד נזדמנה לו אשתו ולאחר נזדמנה לו אחותו זה שנזדמנה לו אשתו צדיקים
ילכו בם וזה שנזדמנה לו ארותו ופושעים יכשלו בם מי דמי אנן חדא דרך קאמרינן
הכא שתי דרכים אלא משל ללוט ושתי בנותיו הן שנתכוונו לשם מצוה (ישרים דרכי
ה') צדיקים ילכו בם הוא שנתכוין לשם עבירה ופושעים יכשלו בם ודלמא הוא נמי לשם
מצוה איכוין (לא ס"ד ד) א"ר יוחנן כל הפסוק כולו על שם עבירה נאמר (בראשית יג) וישא
לוט (בר' לט) ותשא אשת אדוניו את עיניה [את עיניו] (שופטים יד) ויאמר שמשון אל אביו
אותה קח לי כי היא ישרה בעיני וירא (בראשית לד) וירא אותה שכם בן חמור את כל ככר

פסח ווייל עס איז א מצוה צו עסין א קרבן פסח דריבער האט ער גיגעסען דעם קרבן פסח וועך ער איז נאך גיוועזן הונגעריג . און איינער האט גיגעסען א קרבן פסח ווייל ער האט גיוואלט עסין פלייש . אבער ער איז שוין גאנץ זאט גיוועזן פון פריערדיגע עסינס . דער וואס האט אים גיגעסין ווייל עס איז א מצוה . ווערט ער גירופען צדיקים ילכו בם . און דער וואס האט אים גיגעסין ווייל ער האט גיוואלט עסין פלייש און ער איז שוין זאט גיוועזן . רופט מען אים ופושעים יכשלו בם . האט ריש לקיש גיזאגט צו רבה דעם רופסטו דוא רשע . אמת ער האט ניט גיטאהן די מצוה אם בעסטין . ער האט דאך אבער גיגעסען א קרבן פסח . נאר דאס איז גלייך צוא צוויא מענטשין . דער איז גילעגין אין בעט מיט זיין ווייב און מיט זיין שוועסטער . און דער אנדערער איז אויך גילעגען אין בעט מיט זיין ווייב און מיט זיין שוועסטער . צו איינעם האט זיך גיטראפען אז ער האט ביא נאכט משמש המטה גיוועזן מיט זיין ווייב . און צו דעם אנדערין האט גיטראפען אז ער האט ביי נאכט משמש המטה גיוועזן מיט זיין שוועסטער . דער וואס האט משמש המטה גיוועזן מיט זיין ווייב . רופט מען אים צדיקים ילכו בם . און דער וואס הט משמש המטה גיוועזן מיט זיין שוועסטער רופט מען אים ופושעים יכשלו בם . פרעגט די גמרא איז דען דאס גלייך . מיר שמועסין פון איין וועג : אז צוויא מענטשין האבען גיטאהן איין זאך . און איינער הייסט א צדיק ער האט גיטאהן א מצוה . און דער אנדערער הייסט א רשע ער הט גיטאהן א עבירה . און דא שמועסט פון צוויא זאכען . איינער האט בועל גיוועזן זיין ווייב . און דר אנדרך האט בועל גיוועזן זיין שוועסטער . געווים איז איינער א רשע . און דער אנדערע גיט . נאר דס איז גלייך צוא לוט מיט זיינע צוויא טעכטער . זייא האבען אלע גיטאהן אין זאך . נאר ווייל זייא האבען גימיינט פון וועגין א מצוה צוא ברייגגען קינדער אויף דער וועלט . הייסען זייא צדיקים ילכו בם . און ער ווייל ער האט גימיינט מזנה צוא זיין . הייסט ער ופושעים יכשלו בם . פרעגט די גמרא טאמער האט לוט אויך גימיינט פון וועגין א מצוה צו ברייגגען קינדער אויף דער וועלט . האט רבי יוחנן גיזאגט דער גאנצער פסוק שמועסט פון עבירה פון זנות . וישא לוט . לוט האט א יף גיהויבען . אזוי ויא עס שטייט ותשא אשת אדוניו את עיניה . דיא ווייב פון פוטיפר האט אויף גיהויבען אירע אויגען צוא יוסף מיט אים מזנה צוא זיין . אזו לוט האט אויך אויף גיהויבען מזנה צו זיין . את עיניו . זיינע אויגען : אזו וויא עס שטייט שמשון האט גיזאגט צוא זיין פאטער דיא אשה זאלסטו נעמען פון מיינעט וועגין כי היא ישרה בעיני . ווייל זיא איז גיפעלין אין מיינע איגען . אזו לוט האט אויך גיקוקט מיט זיינע אויגען צוא מזנה זיין . וירא . לוט האט גיזעהן . אזו ויא עס שטייט וירא אותה שכם בן חמור : שכם האט גיזעהן דינה און הט מיט איר מזנה גיוועזן . אזו לוט האט אויך גיזעהן צוא מזנה זיין . את כל ככר הירדן : אזו וויא עס שטייט פון וועגין אשה זונה . קומט מען ביז צוא א ברוים בעטין : אזו לוט האט אויך גיזוכט מזנה צו זיין .

הירדן (משלי כ) כי בעד אשה זונה עד ככר לחם כי כלה משקה (הושע ג) אלכה אחרי מאהבי נותני לחמי ומימי צמרי ופשתי שמני ושקויי והא מינם אנים תנא משום רבי יוסי בן [רב] חוני למה נקוד על וא"ו (בראשית יט) שובקומה של בכירה לומר שבשכבה לא ידע הא בקומה ידע ומאי הוה ליה למעבד מאי דהוה הוה נפקא מינה דלפניא אחרינא לא איבעיא ליה למשתי חמרא:

ג **דרש** רבא מ"ד (משלי יח) אח נפשע מקרית עוז (ע"כ) ומדינים כבריח ארמון אח נפשע מקרית עוז זה לוט שפירש מאברהם ומדינים כבריח ארמון שהטיל מדינים בינו ובין ישראל כבריח ארמון שנאמר (דברים כג) **לא יבא עמוני ומואבי** בקהל ה'. דרש רבא ואיתימא רבי יצחק מ"ד (משלי יח) **לתאוה יבקש נפרד ובכל תושיה** יתגלע לתאוה יבקש נפרד זה לוט ובכל תושיה יתגלע שנתגלה קלונו בבתי כנסיות ובבתי מדרשות דתנן עמוני ומואבי אסורין ואיסורן איסור עולם אמר עולא **תמר זנתה זמרי זנה תמר זנתה**

את נפשע וגו' זה לוט שפירש מאברהם. שנאמר כי אנשים אחים אנחנו: מקרית עוז זה אברהם. דכתיב ביה הביטו אל צור חצבתם שע"י המריבה שפירש מאברהם גרם לו להיות שכן לאנשי סדום וע"י כך בא לידי מעשה בנותיו ונולדו עמון ומואב האסורין לבא בקהל: כבריח. שנועלין בו הארמון שלא יכנס בו אדם: לתאוה יבקש נפרד. הלך אחר תאות לבו כדאמרינן לעיל כל הפסוקים לשם עבירה נאמרו: בכל תושיה יתגלע. בתורה שבכתב ובתורה שבעל פה דתנן עמוני ומואבי אסורין ואיסורן איסור עולם: תמר זנתה ויצאו ממנה מלכים ונביאים. מלכים דוד כדכתיב ואלה תולדות פרץ וגו' ונביאים דאמרינן אמוץ ואמציה אחי הוו ולשם שמים זנתה ולהבנות מזרעו של יעקב כדכתיב כי ראתה כי גדל שלה:

וואס דורך דעם קומט מען צוא אבבר להם בעטין. כי כלה משקה: אזוי וויא עס שטייט דיא זונה זאגט איך וועל גיין נאך דיא וואס ליבען מיך וואס זייא געבען מיין ברויט מיין וואסער מיין וואל מיין פלאקס. שמני ושקויי: מיין בוימאייל אונ מיין טרינקען. אזוי לוט האט אויך גיזוכט מזנה צו זיין אונ געבין דער זונה איר טרינקען (אונ איבעריגע זאכען וואס פעלט איר): אזוי געווים מיט דיא טעכטער האט ער אויך גימיינט מזנה צוא זיין: פרעגט דיא גמרא לוט איז דאך געווען שכור האט ער דאך גאר ניט גיוואוסט ניט פון אמצוה אונ ניט פון אעבירה. ענפערט דיא גמרא מיר האבען גילערונט פון רבי יוסי בן רב חונים וועגין. פר וואס שטייט אפינטעל אויף דעם וא"ו פון דעם ווארט ובקומה פון דיא עלצטע טאכטער: צוא זאגין אונז אז ווען זיא האט זיך גילייגט צום פאטער האט ער ניט גיוואוסט. אבער ווען זיא איז אויף גישטאנען האט ער יא גיוואוסט. פרעגט דיא גמרא וואס האט ער גיזאלט טאהן ווען ער איז אויף גישטאנען. וואס עס איז שוין געווען איז געווען. ענפערט דיא גמרא אבער די אנדערע נאכט האט ער ניט גידארפט טרינקען וויין ביז ער זאל שכור ווערין: נאר ער אליין האט טאקי גיוואלט מזנה זיין:

ג **דרש**: רבא האט גידרשת עס שטייט אין פסוק אח נפשע מקרית עוז ומדינים כבריח ארמון. אח נפשע מקרית עוז. אברודער האט געזינדיגט פון אשטארקע שטאט. דער ברודער מיינט מען לוט. וואס ער האט געזינדיגט אונ האט זיך אפ גישיידט פון אשטארקע שטאט. דאס מיינט מען פון אברהם אבינו האט זיך לוט אפ גישיידט. ומדינים כבריח ארמון. אונ ער האט גימאכט קריג צווישען זיך אונ דיא יודין. אזעלכע שטארקע קריג אזו ווי אריגעל פון אפאלאסט. אזו וויא עס שטייט אין פסוק עמון אונ מואב זאלין ניט קומען אין דיא פאר זאמלונג פון גאט. רבא האט גידרשת אנדערע זאגין רבי יצחק האט גידרשת עס שטייט אין פסוק לתאוה יבקש נפרד ובכל תושיה יתגלע. לתאוה יבקש נפרד מיינט מען לוט: לוט האט זיך אפ גישייד פון אברהם ווייל ער האט גיזוכט צוא טאהן וואס ער גלוסט: ובכל תושיה יתגלע. אונ זיין שאנד איז אויף גידעקט גיווארין אין דיא גאנצע תורה. מען לייענט אין דיא שולען אונ אין דיא בתי מדרשים אז עמון אונ מואב טארין ניט קומען אין דיא יודישע פאר זאמלונג. אזו וויא מיר האבען גילערונט עמון אונ מואב זענען אסור אויף אייביג צו קומען אין דיא יודישע פאר זאמלונג. עולא האט גיזאגט תמר האט מזנה גיוועזן אונ זמרי האט מזנה

זנתה יצאו ממנה מלכים ונביאים זמרי זנה נפלו כמה רבבות מישראל :

אמר רב נחמן בר יצחק גדולה עבירה לשמה ממצוה שלא לשמה איני והא אמר רב יהודה [אמר רב] לעולם יעסוק אדם בתורה ובמצות אפי שלא לשמה שמתוך שלא לשמה בא לשמה אלא אימא כמצוה שלא לשמה דכתיב (שופטים ה) תבורך מנשים יעל אשת חבר הקיני מנשים באהל תבורך מאן אינון נשים באהל שרה רבקה רחל ולאה. א"ר יוחנן שבע בעילות בעל אותו רשע באותה שעה שנא' וכו'. גופא אמר רב יהודה אמר רב לעולם יעסוק אדם בתורה ובמצות אפי' שלא לשמה שמתוך שלא לשמה בא לשמה שבשכר מ"ב קרבנות שהקריב בלק זכה ויצתה ממנו רות דא"ר יוסי בר חנינא רות בת בנו של עגלון (בן בנו של בלק) מלך מואב [היתה]. א"ר חייא בר אבא א"ר יוחנן מנין שאין הקב"ה מקפח אפילו שכר שיחה נאה מהכא דאילו בכירה דקרייתיה מואב א"ל רחמנא למשה (דברים ב) אל תצר את מואב ואל תתגר בם

[גדולה עבירה לשמה. כלומר לשם מצוה]: איני. מדקאמרת גדולה עבירה לשמה ממצוה שלא לשמה מכלל דמצוה שלא לשמה גריעא ומדקאמר שמתוך שלא לשמה בא לשמה אלמא דמעליא שמתוך כך בא לעשות מצוה לשמה ומשני אימא עבירה לשמה כמצוה שלא לשמה דתרוייהו מעלי: מנשים באהל. מברכת נשים באהל תבורך גם היא ומאן נינהו נשים באהל שרה רבקה רחל ולאה שרה דכתיב איה שרה אשתך הנה באהל ורבקה ויביאה יצחק האהלה רחל ולאה דכתיב ויצא מאהל לאה ויבא באהל רחל: [תבורך. על שעשתה עבירה לשמה כדי להתיש כחו של אותו רשע כדי שתהא יכולה להרגו]: מ"ב קרבנות. משבעה מזבחות שערך בג' מקומות על כל אחד ואחד העלה פר ואיל שהם י"ד לכל מעמד ומעמד ושלשה פעמים י"ד עולין מ"ב וקרבנותיו של בלק הוו שלא לשם מצוה]: ויצתה ממנו רות. שיצא ממנה דוד שריוה להקב"ה בשירות ותשבחות: דקרייתיה מואב. משמע מאבי:

גִיוֶוען. תָּמָר הָאט מְזַנֶה גִיוֶוען זֶענֶען פוּן אִיר גִיבָּארִין גִיוָוארִין מְלָכִים אוּנ נְבִיאִים. זִמְרִי הָט מְזַנֶה גִיוֶוען זֶענֶען דוּרְךְ אִים גִיפַאלֶען פִיל צֶעהְן טוֹיזֶענְדֶער יוּדִין:

ד אָמַר. רַב נַחְמָן בַּר יִצְחָק הָאט גְזָאגְט אַז מֶען טוּהְט אַעֲבֵירָה פוּן גָאטְס וֶועגִין פוּן אִיר זָאל אַרוֹיס קוּמֶען אַמִצְוָה. אִיז דָאס גְרֶעסֶער וִויא מֶען טוּהְט אַמִצְוָה אוּנ מֶען מֵיינְט נִיט פוּן גָאטְס וֶועגִין. פְרֶעגְט דִיא גְמָרָא עֶס אִיז דָאךְ נִיט אַזוֹי: רַב יְהוּדָה הָאט דָאךְ גְזָאגְט פוּן רַבְּם וֶועגִין אֵייבִּיג זָאל אַמֶענְטְשׁ לֶערְנֶען תּוֹרָה אוּנ טָאהן מִצְוֹת אֲפִילוּ עֶר מֵיינְט נִיט פוּן גָאטְס וֶועגִין. וָוארוּם פוּן דֶעם פִיל לֶערְנֶען תּוֹרָה אוּנ פוּן דִיא פִיל מִצְוֹת וָואס עֶר וֶועט טָאן נִיט פוּן גָאטְס וֶועגִין. וֶועט עֶר קוּמֶען דֶער צוּא עֶר זָאל טָאהן פוּן גָאטְס וֶועגִין. נָאר אַזוֹי זָאג. אַז מֶען טוּהְט אַעֲבֵירָה פוּן גָאטְס וֶועגִין. אִיז גְלַייךְ וִויא מֶען טוּהְט אַמִצְוָה נִיט פוּן גָאטְס וֶועגִין. בֵּיידֶע זֶענֶען גוּט. וָוארוּם עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק יָעֵל דִיא וַוייבּ פוּן חֶבֶר הַקֵּינִי זָאל גִיבֶּענְשְׁט וֶוערִין פוּן דִיא וַוייבֶּער וָדִיא וַוייבֶּער זָאלִין אִיר בֶּענְטְשִׁין: וָואס זָאלִין זַייא אִיר בֶּענְטְשִׁין. דִיא זֶעלְבִּיגֶע בְּרָכָה וָואס דִיא וַוייבֶּער פוּן דִיא גִיצֶעלְטִין זֶענֶען גִיבֶּענְשְׁט גִיוָוארִין. וֶוער זֶענֶען דִיא וַוייבֶּער פוּן דִיא גִיצֶעלְטִין. דָאס אִיז שָׂרָה רִבְקָה רָחֵל לֵאָה. וַוייל זִיא הָאט גִיטָאהן אַעֲבֵירָה פוּן גָאטְס וֶועגִין. אַזוֹ וִויא רַבִּי יוֹחָנָן הָאט גְזָאגְט זִיבֶּען מָאהל הָאט דֶער רָשָׁע סִיסְרָא בּוֹעֵל גִיוֶוען דִיא אִשָׁה יָעֵל. וָוארוּם זִיא הָאט גִיוָואלְט עֶר זָאל שְׁוַואךְ וֶוערִין וֶועט עֶר אַנְשְׁלָאפִין וֶוערִין וֶועט זִיא אִים קֶענֶען הַרְגֶנֶן. זָאגְט דִיא גְמָרָא פְרִיעֶר אִיז גִישְׁטַאנֶען רַב יְהוּדָה הָאט גְזָאגְט פוּן רַבְּם וֶועגִין אֵייבִּיג זָאל אַמֶענְטְשׁ לֶערְנֶען תּוֹרָה אוּנ טָאהן מִצְוֹת אֲפִילוּ עֶר מֵיינְט נִיט פוּן גָאטְס וֶועגִין. וָוארוּם פוּן דֶעם פִיל תּוֹרָה לֶערְנֶען אוּנ פוּן דִיא פִיל מִצְוֹת וָואס עֶר וֶועט טָאהן נִיט פוּן גָאטְס וֶועגִין וֶועט עֶר קוּמֶען דֶער צוּא עֶר זָאל טָאהן פוּן גָאטְס וֶועגִין. וָוארוּם וַוייל בָּלָק הָאט מַקְרִיב גִיוֶוען צְווַייא אוּנ פֶערְצִיג קָרְבָּנוֹת וַאֲפִילוּ עֶר הָט נִיט גִימֵיינְט פוּן גָאטְס וֶועגִין. פוּן דֶעסְטְוֶועגִין הָאט עֶר זוֹכֶה גִיוֶוען אַז פוּן אִים אִיז גִיבֶּארִין גִיוָוארִין רוּת: וָוארוּם רַבִּי יוֹסִי בַּר חֲנִינָא הָאט גְזָאגְט רוּת אִיז גִיוֶוען אַאֵיינִיקוּל פוּן עֶגְלוֹן מֶלֶךְ מוֹאָב. אוּנ עֶגְלוֹן אִיז גִיוֶוען אַאֵיינִיקוּל פוּן בָּלָק. רַבִּי חִיָיא בַּר אַבָּא הָאט גְזָאגְט פוּן רַבִּי יוֹחָנָן וֶועגִין פוּן וַואנֶען וֵוייסִין מִיר אַז גָאט בַּצָאהְלְט שְׂכַר אֲפִילוּ פַאר שֵׁיינֶע רֵייד. פוּן דַאנֶען וֵוייסִין מִיר. דִיא עֶלְצְטֶע טָאכְטֶער פוּן לוֹט הָאט גִירוּפֶען דֶעם נָאמֶען פוּן אִיר קִינְד מוֹאָב. וּפוּן מַיין פָאטֶער

בם מלחמה מלחמה הוא דלא הא צעורי צערינהו ואילו צעירה דקרייתיה בן עמי א"ל (שם) אל תצורם ואל תתגר בם כלל אפילו צעורי לא. אמר ר' חייא בר אבין אמר רבי יהושע בן קרחה לעולם יקדים אדם לדבר מצוה שבשכר לילה אחת שקדמה בכירה לצעירה (דף כד) זכתה וקדמתה ארבעה דורות [בישראל] למלכות:

בן עמי. בלשון נקיה היא דלא רצתה להודיע דמאביה נתעברה: אמר אל תצורם ואל תתגר בם. ומדלא כתיב בהו מלחמה ש"מ דאפילו לצערן לא ליעבד להו ולא עוד דאילו בכירה דקרייתיה אב הכתוב פרסמה דכתיב ותשכב את אביה ובצעירה כתיב ותשכב עמו: ארבעה דורות בישראל. עובד ישי דוד ושלמה ואילו לצעירה [לא אתת בישראל] עד רחבעם בן שלמה שבא מנעמה העמונית:

בית שמאי פרק חמישי

(דף ל"ב ע"ב) **א פותחין** בתנאי נולד ה"ד אמרי להון אילו אתא אינש ואמר לכון דיחרוב בית המקדש מי הוה נדרתון א"ר יוסף אי הואי התם הוה אמינא להו הא כתיב (ירמיה ז) היכל ה' היכל ה' היכל ה' המה זה מקדש ראשון ומקדש שני נהי דידעי

פותחין בתנאי נולד. ואפי' לההוא דנדרו עד שלא חרב בית המקדש: ה"ד כגון דאמרי להו דאילו אתי אינש. בההיא שעתא דנדריתון ואמר לכון דחרב וכו': אי הואי התם. כשאמרו חכמים לנחום המדי דהורבן בית המקדש הוי נולד הוי אמינא דלאו נולד הוא לפי שיודעין היו שעתיד ליחרב: דכתיב היכל ה' היכל ה' היכל ה' המה. מקרא הוא בירמיה אל תבטחו אל דברי השקר לאמר היכל ה' וגו' ולא תבא עלינו רעה ומפרש לה רב יוסף הכא שהיה ירמיה מוכיח את הרשעים שהיו מתיאשים מן הפורענות ואומרים יחרב היכל זה עוד יבנה לנו היכל בית שני ואם יחרב בית שני עוד

איז ער גיבארין: האט גאט גזאגט צוא משה רבינו דוא זאלסט ניט בלעגערין מואב אונ זאלסט ניט רייצין מיט זייא מלחמה צוא האלטין. מלחמה זאל מען ניט האלטען מיט מואב. אבער אנדערע צער אונ יסורים מעג מען זייא טאהן. אבער דיא יונגסטע טאכטער פון לוט וויל זיא האט שענער גירעט. זיא האט ניט גזאגט אז איר קינד איז פון איר פאטער. נאר זיא האט גירופען דעם נאמען פון איר קינד עמון. ער איז גיבארין פון מיין פאלק. הט גאט גזאגט צוא משה דוא זאלסט ניט בלעגערין עמון אונ זאלסט ניט רייצין מיט זייא. אונ ווייל עס שטייט ניט דער ווארט מלחמה. מיינט מען גאר ניט רייצין אפילו מצער זיין טאר מען זיי אויך ניט: רבי חייא בר אבין האט גזאגט פון רבי יהושע בן קרחהס וועגין אייביג זאל זיך אמענטש איילין צו טאהן אמצוה. ווארום מיר זעהן ווייל דיא עלצטע טאכטער פון לוט האט גיטאהן דיא מצוה צוא ברייגגען קינדער אויף דער וועלט. מיט איין נאכט פריער פאר דיא יונגסטע טאכטער. האט זיא זוכה גיוועז פון איר זאלין גיבארין ווערין מלכים ביי יודין מיט פיר דורות פריער ווי עס איז גיבארין גיווארין מלכים ביי יודין פון איר שוועסטער:

פרק חמישי

א פותחין. אז איינער האט גיטאהן אנדר אונ ער קומט צוא אלמדן ער זאל אים מתיר זיין דעם נדר. דארף דער למדן אים פרעגין פאר וואס ער האט חרטה פון דעם נדר. מעג דער למדן מיט אים אנהייבען צוא ריידען פון אזו אזאך וואס עס איז גיווארין נאך דעם נדר. למשל דיא מענטשין וואס האבען גיטאהן אנדר זייא זאלין זיין נזירים. ווען דער בית המקדש איז גישטאנען. דער נאך איז דער בית המקדש חרוב גיווארין. זאל דער למדן צו זייא זאגין. ווען עס וואלט גיקומען אמענטש צו אייך ווען איר האט גיטאהן דעם נדר אונ ער וואלט אייך זאגין איר זאלט וויסען דער בית המקדש וועט חרוב ווערין אונ איר וועט ניט קענען מקריב זיין קרבנות פון אייערע נזירות: וואלט איר גיטאהן דעם נדר: אז זייא זאגין ניין. זאל דער חכם זייא מתיר זיין דעם נדר. רב יוסף האט גזאגט ווען איך וואלט דארט גיוועזן ווען דיא חכמים האבען גזאגט אז דער חורבן בית המקדש איז אנייע זאך וואס עס איז גיווארין נאך זייער נדר. וואלט איך זייא גזאגט אז דאס איז גאר ניט קיין נייע זאך. ווען זייא האבען גיטאהן דעם נדר האבען זייא אויך גיוואוסט אז דער בית המקדש וועט חרוב ווערין: ווארום עס שטייט אין פסוק ירמיה הנביא האט גזאגט צוא דיא יודין אונ הט זיי גישטראפט פאר וואס זייא זאגין היכל ה' היכל ה' היכל ה'. דיא רשעים האבען גזאגט וועט דער ערשטער

דידעי (דליחרובה) [דיחרב] מי ידעי לאימת אמר אביי ולא ידעי לאימת והכתיב (דניאל ט) שבועים שבעים נחתך על עמך ועל עיר קדשך ואכתי מי ידעי בהי יומא:

שלשה מינין פרק ששי

(דף לט) א איבעיא להו האי מזיא מלתחת רבי או מלעיל למאי נ"מ לנזיר שגלחוהו לסטים ושיירו בו כדי לכוף ראשו לעיקרו [אי אמרת מלתחת רבי נזירות הא שקליה אלא אי אמרת מלעיל רבי מאי דאקדיש הא קיים]. ת"ש מהא אינבא חיה דקאים בעיקבא דבינתא [ואי ס"ד מלתחת רבי ברישא דבינתא

יגנב בלשי למוהמ"ש אלמא יודעים היו שיחרב. ומשני הני דידעי שיחרב לא ידעי אימת. הלכך מי שלא נולד היו נמנעים בשביל זה מלידור כיון דלא ידעי אימתי יחרב ופריך אביי וכי לא ידעו אימת יחרב: והכתיב. בספר דניאל: שבועים שבעים נחתך על עמך ועל עיר קדשך. פי' במיפום שבעים דהיינו ת"ל שנה מגר ביאה בין חרבן בית ראשון לחרבן בית שני דהיינו שבעים של גלות בבל ות"כ שעמד בית שני. ומשני: דאכתי לא ידעי באיזה יום. בתחלה שנה או בם פה:

אינבא להו האי מזיא מתחת רבי. האי שער מלתחת רבי בסמוך לבשר היאך מן הראש גדל והאשו כדקאי קאי: [או מלעיל רבי. שהראש בשער מתגדל ויוצא מאליו ומתגדל ועיקרו כדקאי קאי: למנ"מ לנזיר שגלחוהו לסטים ושיירו בו כדי לכוף ראשו לעיקרו אי אמרת דהאי בינתא מלתחת רבי. הילכך למאי דאקדיש בקניה וסותר נייכוהו: ואי אמרת מלעיל רבי. הואיל ושיירו בו כדי לכוף בו ראשו לעיקרו דאיכא למימר דמאי דאקדיש קאי. אמאי איכא ליה למעבד תגלחת מצוה ואיט סותר]: ת"ש מהאי אינבא חיה. ליטרי"ס בלע"ז דהוא מביא כנים: דקיימא בעקבא דבינתא. בעיקר השער הסמוך לבשר: [ואי ס"ד דהאי בינתא מלתחת רבי. אשתכח דכי נפיק השערה נפיק אינבא לבר: בריכתא דבינתא בעי למיקם. אינבא אלה לאו ש"מ מדקיימא אינבא בהדי בינתא דמלעיל

בית המקדש חרוב ווערין, ווען זיין איין אנדערער, וועט דער אנדערער חרוב ווערין. וועט זיין אדריטער. האבען זייא דאך געוואוסט אז דער בית המקדש וועט חרוב ווערין. פון דעסטוועגין האבען זייא גיטאהן נדרים זייא זאלין זיין נזירים. ענטפערט דיא גמרא אמת זייא האבען גיוואוסט אז דער בית המקדש וועט חרוב ווערין, זייא האבען אבער ניט גיוואוסט ווען ער וועט חרוב ווערין, דריבער האבען זייא גיטאהן נדרים צוא זיין נזירים ווייל זיי האבען גימיינט דיערע נזירות וועט זיך אויס לאזין אונ זייא וועלין נאך קענען ברייגגען קרבנות איידער דער בית המקדש וועט חרוב ווערין. האט אביי גזאגט האבען זייא דען ניט גיוואוסט ווען דער בית המקדש וועט חרוב ווערין. עס שטייט דאך אין פסוק שבועים שבעים נחתך על עמך ועל עיר קדשך. עס איז אגזירה פון גאט אויף דיין פאלק אונ אויף דיין הייליגע שטאט אז פון ערשטין חורבן ביז צום אנדערין חורבן זאל דווערין זיבציג שמטות. ענטפערט דיא גמרא זייא האבען אבער ניט גיוואוסט וועלכין טאג עס וועט חרוב ווערין. אין אן הייב יאהר אדער אין סוף יאהר:

פרק ששי

א איבעיא: האבען דיא רבנן גיפרעגט דיא האר וואקסען פון אונטען. פון קאפ וואקסט ארויס דיא האר אלע מאהל העכער. אדער פון הויבין וואקסען דיא האר. אונ ניט פון לייב. צו וואס דארפין מיר דאס וויסען. אויב עס האט גיטראפין אז גזלנים האבין אפ גישוירען דעם נזיר. אונ זייא האבען גילאזין קורצע קליינע האר אז מען וועט דעם האר איינבייגין וועט עס דירען דער שפיץ פון דעם האר צום ווארציל פון אנדערין האר. אויב דיא וועקסט וואקסין דיא האר וואקסט פון אונטען. פון לייב ארויס. האבען דאך דיא גזלנים אפ גישוירין דיא האר וואס ער האט גיהייליגט. מוז ער אן הייבען נאך אמאהל ציילען נזירות. אבער אז דיא וועקסט וואקסין דיא האר וואקסט פון הויבין. האבען דיא גזלנים נאר אפ גישוירין דיא אובערשטע האר, אונ דיא אונטערשטע האר וואס ער האט גיהייליגט שטייען נאך צו דיא פריער. דארף ער גיט ציילען קיין נייע נזירות. זאגט דיא גמרא מיר קענען דיא זאך וויסען. מיר זעהן אלע מאהל אז עס איז דא אויף אהאר גנידעס נאר אונטען. אז מיר וועלין זאגין דיא האר וואקסט פון אונטען. הייבט זיך דיא אונטערשטע שטיקעל האר אויף אין דיא הייך: דארף דאך דיא גנידע אויך אהויף קומען אין דיא הייך. אונ מיר זעהן אלע מאהל אז דיא גנידע בלייבט

דבינתא בעי למיקם וכו'] תו כר צבעין סביא דיקנהון חוורן (ע"ג) עיקבי נימהון ש"מ מלתחת רבי ש"מ :

כהן גדול פרק שביעי

(דף מט ע"ג) **א ת"ר** לאחר פטירתו של ר' מאיר אמר להם רבי יהודה לתלמידיו אל יכנסו תלמידי ר' מאיר לכאן מפני שקנתרנין הם ולא ללמוד תורה באים אלא לקפחני בהלכות הן באים דחק סומכוס ונכנס וכו' כעס רבי יהודה אמר להו לא כך אמרתי לכם אל יכנסו וכו' (דף נ) א"ר יוסי יאמרו מאיר שכב יהודה כעס יוסי שתק תורה מה תהא עליה :

(דף מ ע"ג) **ב אמרו** ש"מ כל שמעתתא דכתאמרה בבי תלתא קדמאי ובתראי אמרינן מיצעאי לא אמרינן אמר רב נחמן בר יצחק אף אנן נמי תנינא אמר נחום הלבלר כך מקובלני מר' מיאשה שקבל מאבא שקבל מן הזוגות שקבלו מן הנביאים הלכה למשה מסיני בזורע שבת וחרדל בב' ושלשה מקומות נותן

דמלפיל רבי והינבא כבינתא כדקאי קאי] : ופ מדצבעין סביא דיקנהון. כי סיכי דלאי דדקי וכתר סכי חוורי דיקנהון מהלבנין שערי עקרי וקנ"א ש"מ דמלתחת רבי :

לקפחני. לנלחני :

ש"מ כל שמעתא וכו'. דבליטי שמע מסף ופו שמע מרהבון דהאי מאן דבעי למימר להאי מילתא לא מנטרכא למימר אלא קמאי ובתראי ומניעאי לא כדתנן במתני' ר"א ור"י ולא קתני רבי יהושע בן מגל בהדייהו : שקבל מן הזוגות. יוסי בן יועזר ויוסי בן יוחנן יהושע בן פרחיה ונתאי הארבלי יהודה בן טבאי ושמעון בן שטח שמעיה ואבטליון הלל ושמאי וזוגות קבלו מן חגי זכריה ומלאכי ונביאים קבלו הלכה למשה מסיני : ס"ג. בזורע את שדהו שני מיני חטין אם עבדן גורן אחת נותן פאה א' דהוא לו וכשדה א' זרען אע"פ שהן שני מינין שאול ושמכן מין חטים הוא חייב אלא פאה אחת את"כ שם דעתו לחלקן ולעשות מכן שתי גרנות ואם ספרים דאים כבו בזורע שבת

אייבּיג אתקשן. איז געווים אז נאר דער שפּיץ האר ווערט אלע מאהל העכער. נאך ווען מיר אז דיא אקסע לייט פארבּין ווייערע ווייסע בערד אויף שווארץ. זייא זאלין יונג אויס זעהן. דער נאך אז דיא בארד ווערט גרעסער. ווענין דיא שטיקלאך האר דאס נעבּין לייב. ווייס פון דעם ווערט מען אז דיא האר וואקסט פון אונטען. דריבּער ווענין דיא נייע צו גיוואקסענע שטיקלאך האר ווייס. ווארום זיי ווענען דאך ניט גיפארבט גיווארין :

פרק שביעי

א תנו רבנן : דיא רבנן האבּען גילערונט נאך דעם וויא רבי מאיר איז גישטארבּין. האט רבי יהודה גזאגט צוא זיינע תלמידים. דיא תלמידים פון רבי מאיר זאלין ניט אריין גיין אין מיין ישיבה, ווייל זייא זענען קריגער. אונ זייא קומען ניט לערנען תורה פון מיר. זייא קומען נאר מיט מיר צוא קריגען אין דינים. סומכוס האט זיך אריין גיקוועטשט אונ איז אריין גיגאנגען אין דיא ישיבה : איז רבי יהודה אין כעס גיווארין. אונ ער האט גזאגט צוא זיינע תלמידים. האב איך דען אייך ניט גזאגט אז דיא תלמידים פון רבי מאיר זאלין ניט אריין קומען אין מיין ישיבה. האט רבי יוסי גזאגט מען וועט זאגין מאיר איז גישטארבין. יהודה איז אין כעס. יוסי האט געשוויגען. ביי וועמען וועלין דיא תלמידים לערנען תורה :

ב אמרו. מען האט גזאגט פון דאנעו ווייסען מיר דער דין וואס איז גזאגט גיווארין דורך דרייא מענטשין. דער ערשטער האט גזאגט צום אנדערין אונ דער אנדערער הט גזאגט צו אדריטען. אז אפערטער זאגט דעם דין. דארף ער נאר זאגין דעם נאמען פון דריטען. מיט דעם נאמען פון ערשטין : אונ דעם נאמען פון מיטעלסטען דארף ער ניט זאגין. רב נחמן בר יצחק זאגט מיר האבּען אויך אזוי גילערונט. נחום הלבלר האט גזאגט אזוי האב איך גילערונט פון רבי מיאשה. וואס ער האט גילערונט פון פאטער. וואס ער האט גילערונט פון דיא פארין וואס שטייען אין ערשטין פרק אבות. וואס זייא האבּען גילערונט פון דיא נביאים. אונ דיא נביאים האבּען גילערונט פון משה רבינו. וואס משה האט גילערונט אויף דעם בארג סיני. אז איינער האט פאר זייט שבת אונ חרדל אויף צוויי אדער אויף דרייא ערטער. דארף ער געבּין פאה פון יעדער ארט בוונדער. האט נחום הלבלר אויס גירעכנט אזוי פיל תנאים

נותן פאה מכל אחד ואחד ואילו יהושע וכלב לא קחשיב ש"מ :

שני נזירים פרק שמיני

(דף נז צ"ב) **א אמר** רב הונא המקיף את הקטן הרי הוא חייב א"ל רב אדא בר אהבה לרב הונא ודידך מאן מגלח להון א"ל חובה תקברינון חובה לבניה כולהו שני דרב אדא בר אהבה לא אתקיים ליה זרעא לרב הונא :

(דף נט) **ב רבי** [אליעזר] בן יעקב אומר מנין שלא תצא אשה בכלי זיין למלחמה ת"ל (דברים כו) לא יהיה כלי גבר על אשה ולא ילבש גבר שמלת אשה שלא יתקן איש בתיקוני אשה אמרו ליה רבנן לרבי שמעון בר אבא הזינא ליה לרבי יוחנן דלית ליה אמר להון מחמת זקנה נשרו. ההוא דאיתחייב נגידא קמיה דרבי אמי איגלאי בית השחי אחזייה דלא מגלח א"ל רבי אמי שבקוה דמן חברייא הוא :

והרגל אגי"ע בלע"ז והו לא והך ל"צ לה : ואילו יהושע וכלב דהוו מליעאי לא השיב. אלמא הקמאי ובתראי אמרינן ומליעאי לא אמרינן ומן הנביאים ואילך חשיב כולהו כחדא מפני שהיו מבית שני ואילך : א"ל רב אדא בר אהבה לרב הונא לדידך דאמרת המקיף את הקטן חייב קטנים דאיתנהו מגולחין כל הראש כדאורחייהו דאינשי דקא מגלחי להו כדי לגברוהן אחר האזולי : מאן קמגלח להו א"ל חובה. כך שמה דאשתו דרב הונא דקסבר רב הונא דאשה לא מפקדא אלאו דהקפת הראש אראש דאחרים כלל : א"ל רב אדא תקברינהו לבניה. דלדידך דאמרת המקיף את הקטן חייב כי מקפת ליה אשה נמי חייבת אבל לדידי אפילו גדול המקיף את הקטן פטור וה"ה נמי לאשה וכן בגדול המקיף את הגדול חייב וה"ה לאשה :

בכלי זיין למלחמה. כדמתרגמינן לא יהא תיקון זיין דגבר : שלא יתקן איש בתקוני אשה. דהכי מתרגמינן ליה שלא יכחול ושלא יפרכס בבגדי צבעונין של אשה : חזינא ליה לר' יוחנן דלית ליה. שער בבית השחי : איגלאי בית השחי. כי הוו משלחי בהפשט מאניה לנגדיה :

הכותים אין להם נזירות פרק תשיעי

(ד' סו) **א משנה** נזיר היה שמואל כדברי רבי נהוראי שנא' (ש"א א) ומורה לא

אוּן יְהוֹשֻׁעַ מִיט כָּלֵב הָאט ער נִיט גירעכוּנט . גֶעוִויס דַארְף מֶען נִיט רֶעכֶענֶען דִיא מִיטֶעלֶע תַּנָּאִים . נָאר דִיא עֶרְשְׁטֶע תַּנָּאִים אוּן דִיא לֶעצְטֶע תַּנָּאִים רֶעכוּנְט מֶען . נִיט דִיא מִיטֶעלֶע :

פרק שמיני

א אָמַר . רַב הוּנָא הָט גְזָאגְט אַז אֵיינֶער שֶׁערְט אַרוּם דִי הָאר פוּן אַקִינְד . קוּמְט אִים מַלְקוּת . הָאט רַב אַדָא בַּר אַהֲבָה גְזָאגְט צוּא רַב הוּנָא אוּנ דַיינֶע קִינְדֶער וֶוער שֶׁערְט זַייא אַרוּם דִיא הָאר . הָאט רַב הוּנָא גְזָאגְט מַיין וַוייב חוּבָה שֶׁערְט זַייא אַרוּם דִיא הָאר : הָאט רַב אַדָא גְזָאגְט זָאל חוּבָה בַּגְרָאבִין אִירֶע קִינְדֶער . דִיא אַלֶע יָאהרִין וָואס רַב אַדָא בַּר אַהֲבָה הָאט גִילֶעבְּט הָאבֶען זִיךְ נִיט גִיהַאלְטֶען דִיא קִינְדֶער פוּן רַב הוּנָא . דִיא קִינְדֶער פְלֶעגִין יוּנְג שְׁטַארְבִּין :

ב רַבִּי אֱלִיעֶזֶר בֶּן יַעֲקֹב זָאגְט פוּן וַואנֶען וֵוייסֶען מִיר אַז אַאִשָּׁה טָאר נִיט אַרוֹיס גֵייְן בֶּעוָואפִּינְט מִיט שְׁוֶוערְד אוּנ בִּיקְס אִין אַמִלְחָמָה . שְׁטֵייט אִין פָּסוּק עֶס זָאל נִיט זַיין דִיא כֵּלִים פוּן אַמַאנְסְפֶּערְזָאהן אוֹיף אַאִשָּׁה : אוּנ אַמַאנְסְפֶּערְזָאהן זָאל נִיט אָן קְלֵיידִין דִיא קְלֵיידֶער פוּן אַאִשָּׁה . אַמַאנְסְפֶּערְזָאהן זָאל זִיךְ נִיט צִירֶען אַזוֹ וִויא אַאִשָּׁה וֶוערְט גֶעצִירְט . דִי רַבָּנָן הָאבֶּן גְזָאגְט צוּא רַבִּי שִׁמְעוֹן בַּר אַבָּא מִיר הָאבֶען גִיזֶעהְן אַז רַבִּי יוֹחָנָן הָאט נִיט קֵיין הָאר אוּנְטֶערִין אָרֶעם : הָאט רַבִּי שִׁמְעוֹן גְזָאגְט צוּא דִיא רַבָּנָן פוּן גְרוֹיס אַלְטְקַייט זֶענֶען דִיא הָאר אַרוּם גִיפַאלֶן . אַמֶענְטְשׁ אִיז אַמָאהל פַאר שׁוּלְדִיגְט גִיוָוארִין מֶען זָאל אִים שְׁלָאגִין מַלְקוּת בַּיי דֶעם בֵּית דִין פוּן רַבִּי אַמִי . וִויא מֶען הָאט אִים אוֹיס גִיטָאהן דִיא קְלֵיידֶער אִיז אוֹיף גִדֶעקְט גִיוָוארִין דֶער אָרֶעם הָאט מֶען גִיזֶעהְן אַז עֶר הָאט הָאר אוּנְטֶער דֶעם אָרֶעם אוּנ עֶר גָאלְט זַייא נִיט : הָאט רַבִּי אַמִי גִיזָאגְט לָאזְט אִים אָפּ אוּנ שְׁלָאגְט אִים נִיט . וָוארוּם עֶר אִיז פוּן דִיא עֶרְלִיכֶע יוּדִין :

פרק ט

א מִשְׁנָה . נָזִיר . שְׁמוּאֵל הַנָבִיא אִיז גִיוֶועזְן אַנָזִיר אַזוֹ וִויא רַבִּי נְהוֹרָאִי הָאט גְזָאגְט :

יעלה על ראשו נאמר בשמואל ומורה ונאמר בשמשון (שופטים ג) ומורה מה מורה האמורה בשמשון נזיר אף מורה האמורה בשמואל נזיר א"ל ר' יוסי והלא אין מורה אלא של בשר ודם (דמתרגמינן ומרות אינש לא תהא עלוהי) א"ל ר' נהוראי והלא כבר נאמר (ש"א טז) ויאמר שמואל איך אלך ושמע שאול והרגני שכבר היתה עליו מורא ב"ו:

(ע"ב) **ב** א"ל רב לחייא בריה חטוף ובריך וכן א"ל רב הונא לרבה בריה חטוף ובריך למימרא דמברך עדיף והתניא ר' יוסי אומר גדול העונה אמן יותר מן המברך א"ל ר' נהוראי השמים כך הוא שהרי גוליירין מתגרים במלחמה וגבורים נוצחים אלא תנאי היא דתניא אחד המברך ואחד העונה אמן במשמע אלא שממהרין למברך תחלה. א"ר אלעזר א"ר חנינא תלמידי חכמים מרבים שלום בעולם שנא' (ישעיה נד) וכל בניך למודי ה' ורב שלום בניך (אל תקרי בניך אלא בוניך):

שלח

מה מורה האמורה בשמשון נזיר. דכתיב כי נזיר אלהים יהיה הנער מן הבטן: (אין מורה אלא של בשר ודם. שלא תהא מרות ואימת בשר ודם עליו):

חטוף. כוס של ברכה וכן כל הברכות אל יקדמך אחר: [השמים כך הוא. בשבועה ועל שם וירם ימינו אל השמים וישבע בחי העולם כך הוא שהעונה אמן גדול מן המברך: והדע שהוא כך. שהרי גוליירין. הללו מתגרין במלחמה תחלה ואח"כ גבורים באין ונוצחין אף כאן העונה בא לאחר המברך ומגלה לומר שהעונה אמן משובח מן המברך: תנאי היא. דאיכא למ"ד דעונה אמן משובח מן המברך ואית דאמר שהמברך משובח: אחד העונה ואחד המברך במשמע. דקרא שנאמר גדלו וכו' אתי ברכה ונרוממה שמו יחדו אמן: אלא שממהרין למברך תחלה. ליתן שכר):

ראשו. אמורה זאל ניט ארויף גיין אויף זיין קאפ. ווארום עס שטייט אין פסוק ביי שמואל הנביא ומורה לא יעלה על ראשו. ביי שמואל שטייט ומורה. אונ בייא שמשון שטייט ומורה. אזוי וויא דער מורה וואס שטייט ביי שמשון מיינט מען אגאל מעסער. שמשון זאל זיך ניט גאלין ווייל ער איז א נזיר. אזוי דעם מורה וואס עס שטייט ביי שמואל הנביא מיינט מען אויך אגאל מעסער. ער זאל זיך ניט גאלין ווייל ער איז א נזיר. האט רבי יוסי גזאגט טאמער איז מורה דער טייטש פירכטין. מיינט מען שמואל זאל ניט פירכטין פאר קיין מענטש. האט רבי נהוראי גזאגט עס שטייט דאך אין פסוק שמואל האט גזאגט וויא אזוי וועל איך גיין שאול וועט הערין וועט ער מיך הרגנן. זעהן מיר דאך אז שמואל האט יא מורא גיהאט פר מענטשין. נאר מוז מען טייטשען מורה אגאל מעסער:

ב אמר. רב האט גזאגט צוא זיין זוהן חייא אז עס וועט זיין אכוס צום בענטשין. זאלסטו האפין דעם כוס אונ זאלסט בענטשין. אונ אזוי האט גזאגט רב הונא צוא זיין זוהן רבה. אז עס וועט זיין אכוס צום בענטשין. זאלסטו האפען דעם כוס אונ זאלסט בענטשין. פרעגט דיא גמרא זאלין מיר זאגין אז דער וואס בענטשט האט מער שכר וויא דיא וואס צוא הערין אונ ענטפערין אמן: מיר האבען דאך גילערנט רבי יוסי זאגט דער וואס ענטפערט אמן האט מער שכר וויא דער וואס זאגט דיא ברכה. האט רבי נהוראי גזאגט איך שווער בייא דעם הימעל אז עס איז אזוי וויא רבי יוסי זאגט. ווארום אז מען גייט אין אמלחמה איז אזוי. דיא שוואכע מענטשין הייבין אן צוא רייצין דיא מלחמה. אונ דיא גבורים נעמען איין דיא מלחמה: דא איז אויך אזוי דער וואס מאכט דיא ברכה הייבט אן צוא לויבין גאט. אונ דער וואס ענטפערט אמן פאר שטארקט ער דיא לויב פון גאט. נאר תנאים קריגען אין דעם. ווארום מיר האבען גילערנט דער וואס זאגט דיא ברכה אונ דער וואס ענטפערט אמן זענען ביידע גלייך: נאר דער וואס זאגט דיא ברכה נעמט זיין שכר פריער וויא דער וואס ענטפערט אמן. רבי אלעזר האט גזאגט פון רבי חנינאס וועגין תלמידי חכמים בריינגען פיל שלום אויף דער וועלט. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דיינע אלע קינדער זענען גילערנט מיט דיא תורה פון גאט. אונ דיינע קינדער בריינגען פיל שלום אויף דער וועלט:

(דף ו ע"ב) **א ושלח** ליה רבי אביתר לרב חסדא **ניטין** הבאין משם לכאן אינו צריך לומר בפני נכתב ובפני נחתם וכו') אמר רב יוסף מאן לימא לן דרבי אביתר בר סמכא הוא (דהא שלח ליה ר' אביתר) [ועוד הא איהו דשלח ליה] לרב יהודה בני אדם העולים משם לכאן הם קיימו בעצמן (יואל ג) ויתנו הילד בזונה והילדה מכרו ביין וישתו וכתב ליה בלא שרטוט ואמר רבי יצחק שתים כותבין שלש אין כותבין במתניתא תנא שלשה כותבין ארבעה אין כותבין אמר ליה אביי אטו כל דלא ידע הא דרבי יצחק לאו גברא רבה הוא בשלמא מלתא דתליא בסברא לחיי הא גמרא היא וגמרא לא שמיע ליה ועוד הא רבי אביתר הוא דאסכים מריה על ידיה דכתיב (שופטים יט) ותזנה עליו פילגשו רבי אביתר אמר זבוב מצא לה ר' יונתן אמר נימא מצא לה ואשכחית רבי אביתר לאליהו א"ל מאי קעביד קב"ה א"ל עסיק בפלגש בגבעה ומאי קאמר (א"ל) אביתר בני כך הוא אומר א"ל ח"ו ומי איכא ספיקא קמי שמיא א"ל אלו ואלו דברי אלהים חיים הן זבוב מצא ולא הקפיד נימא מצא והקפיד אמר רב יהודה זבוב בקערה ונימא באותו

פירוש

מהם לכאן. **מבבל לארץ ישראל**: **בר סמכא הוא.** ראוי **לסמוך** עליו: **ויתנו הילד וגו'.** שהיו **משתהים** בארץ ישראל ומניחים נשותיהן **עגונות ומבטלים** מפריה ורביה שנקל בעיניהם ילדים **וילדות**: **שתים.** שתי תיבות כותבים מן המקרא בלא שרטוט: **בשלמא** מלתא דתליא בסברא. אי לא הוה סבר לה **מדעתיה**: **לחיי.** כלומר הפיר מצי **למימר** דלאו גברא רבה הוא: ו**גמרא לא** שמיע ליה. הא גמרא דר' יצחק: דאסכים מריה על ידיה. **נגלות** לו סוד **לפתן דברים** הסתומים על אמתתם: **ותזנה עליו פלגשו.** בפלגש בגבעה כתיב ותזנה סרחה עליו: **זבוב מצא לה.** בקערה: נימא מצא לה. לקמן **מפרש ואשכחיה** גרסינן: נימא מצא לה והקפיד.

פרק ראשון

א שָׁלַח. רַבִּי אֶבְיָתָר הָאט גֶעשִׁיקְט צוּא רַב חִסְדָּא דִיא גִטִּין וָואס וֶוערִין גִיבְּרַייְנְגְט פוּן בָּבֶל אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל. דַארְף נִיט דֶער שָׁלִיחַ זָאגִין פַאר מִיר אִיז דֶער גֶט גֶעשְׁרִיבֶּען גִיוָוארִין אוּנ פַאר מִיר אִיז עֶר נִיתְחְתֶמֶת גִיוָוארִין. הָאט רַב יוֹסֵף גְזָאגְט וֶוער וֶועט אוּנְז זָאגִין אַז מֶען קֶען זִיךְ פַאר לָאזִין אוֹיף דִיא רֵייד פוּן רַבִּי אֶבְיָתָר. וָוארוּם רַבִּי אֶבְיָתָר הָאט גֶעשִׁיקְט צוּא רַב יְהוּדָה דִיא מֶענְטְשִׁין וָואס גֵייעֶן אוֹיף פוּן בָּבֶל אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל זֵייא הָאבֶּען אוֹיף זִיךְ מְקַיֵּים גִיוֶועזְן דֶעם פָּסוּק זֵייא הָאבֶּען גִיגֶעבִּין דֶעם קְלֵיינֶעם יוּנְגִיל פַאר אַזוֹנָה. אוּנ דָאס קְלֵיינֶע מֵיידִיל הָאבֶּען זֵייא פַאר קוֹיפְט פַאר וַויין אוּנ זֵייא הָאבֶּען גִיטְרוּנְקֶען. אוּנ דֶעם פָּסוּק הָאט רַבִּי אֶבְיָתָר גֶעשְׁרִיבֶּען נִיט אוֹיף אוּוִירֶע. אוּנ רַבִּי יִצְחָק הָאט גְזָאגְט צְוֵוייא וֶוערְטֶער פוּן אַפָּסוּק מֶעג מֶען שְׁרַייבֶּען אָן אַוּוִירֶע. דְרַייא וֶוערְטֶער טָאר מֶען נִיט שְׁרַייבֶּען אָן אַוּוִירֶע: אִין אַבְּרַייתָא הָאבֶּען מִיר גִילֶערְנְט דְרַייא וֶוערְטֶער מֶעג מֶען שְׁרַייבֶּען אָן אַוּוִירֶע. פִיר וֶוערְטֶער טָאר מֶען נִיט שְׁרַייבֶּען אָן אַוּוִירֶע. וִויא אַזוֹי הָאט רַבִּי אֶבְיָתָר גֶעשְׁרִיבֶּען אַזוֹי פִיל וֶוערְטֶער אָן אַוּוִירֶע. הָאט אַבַּיֵי גְזָאגְט צוּא רַב יוֹסֵף צוּא דֶער וָואס וֵוייס נִיט דֶעם דִין פוּן רַבִּי יִצְחָק אִיז עֶר נִיט אַגְרוֹיסֶער מַאן. אַז עֶר וָואלְט נִיט וִויסֶען אַזוֹ אַזַאךְ וָואס מֶען דַארְף דָאס לֶערְנֶען מִיט דֶעם שֵׂכֶל. אוּנ עֶר הָאט נִיט גִיוואוּסְט מִיט זַיין שֵׂכֶל אַזוֹ צוּא לֶערְנֶען: אִיז רֶעכְט. קֶען מֶען אוֹיף אִים זָאגִין אַז עֶר אִיז נִיט קֵיין גְרוֹיסֶער מַאן: אָבֶּער דָאס וָואס רַבִּי יִצְחָק זָאגְט הָאט עֶר דָאךְ אַזוֹ גִילֶערְנְט פוּן זַיין רַבִּי אָן אַשֵׂכֶל. אוּנ רַבִּי אֶבְיָתָר הָאט דָאס לֶערְנוּנְג נִיט גִיהֶערְט פוּן זַיין רַבִּי: אוּנ נָאךְ וִוידֶער גָאט הָאט אוֹיךְ גִילֶערְנְט אַזוֹי וִויא רַבִּי אֶבְיָתָר. וָוארוּם עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק וַתִּזְנֶה עָלָיו פִּלַגְשׁוֹ. זַיין וַוייבּ הָאט אוֹיף אִיהם גֶעזְנְדִיגְט. וָואס אִיז גִיוֶועזְן אִיר זִינְד. רַבִּי אֶבְיָתָר זָאגְט עֶר הָאט גִיפוּנֶען אַפְלִיג אִין דֶעם שִׁיסֶעל עֶסִין: רַבִּי יוֹנָתָן זָאגְט עֶר הָאט גִיפוּנֶען אַהָאר. רַבִּי אֶבְיָתָר הָאט אַמָאהל גִיטְרָאפֶען אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא. הָאט עֶר גִיזָאגְט צוּא אִים וָואס טוּהְט אִיצְט גָאט. הָאט אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא גְזָאגְט גָאט הַאלְט אִיצְט בַּייא דֶעם קַאפִּיטוּל פוּן פִּלֶגֶשׁ בַּגִבְעָה. אוּנ וָואס זָאגְט גָאט: הָאט אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא גְזָאגְט. גָאט זָאגְט מַיין זוּהְן אֶבְיָתָר זָאגְט אַזוֹי: הָאט רַבִּי אֶבְיָתָר גְזָאגְט צוּא אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא אִיז דֶען גָאט אַסָפֵק וָואס דִיא פִּלֶגֶשׁ הָאט גֶעזִינְדִיגְט אוֹיף אִידֶר מַאן. הָאט אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא צוּא אִים גְזָאגְט בֵּיידֶע עֶרְדֵיי רֵייד אִיז אֶמֶת. פְרִיעֶר הָאט עֶר גֶעפוּנֶען אַפְלִיג אִין עֶסִין אִיז עֶר גִיט

באותו מקום זבוב מאיסותא ונימא סכנתא א"ר אידי ואידי בקערה זבוב אונסא ונימא פשיעותא:

ב אמר רב חסדא לעולם אל יטיל אדם אימה יתירה בתוך ביתו שהרי פלגש בגבעה הטיל עליה בעלה אימה יתירה והפילה כמה רבבות מישראל. אמר רב יהודה אמר רב כל המטיל אימה יתירה בתוך ביתו כוף הוא בא לידי שלש עבירות גלוי עריות ושפיכות דמים וחלול שבת. אמר רבה בר בר חנה הא דאמרי רבנן ג' דברים צריך אדם לומר בתוך ביתו ערב שבת עם חשיכה עשרתם ערבתם הדליקו את הנרות צריך (דף ז) למימרינהו בניחותא כי היכי דליקבלו מניה אמר רב אשי אנא לא שמיע לי הא דרבה בר בר חנה וקיימתיה מסברא. אמר ר' אבהו לעולם אל יטיל אדם אימה יתירה בתוך ביתו שהרי אדם גדול הטיל אימה יתירה בתוך ביתו והאכילוהו דבר גדול ומנו רבי חנניא בן גמליאל האכילוהו ס"ד השתא

כדמפרש טעמא ואזיל: נימא גאוהו מקום. והריק היה להסיר את השער ולא ליסכן בוצלא ליתשום כרות שפכה ומשום דסכנתא הוא הקפיד עליה וברחה מפני אימתו:

גלוי עריות. כשמגיע זמן טבילתה בעת צנה והיא יראה לומר לא טבלתי ומשמשתו נדה: שפיכות דמים. כי הכא או פעמים שבורחת מפניו ונופלת באחת הפחתים או מגשר: וחלול שבתות. פעמים שמדלקת נר או מבשלת משחשיכה מפני אימתו והוא אינו יודע: עשרתם. פירות שנאכל למחר: ערבתם.

עירובי

אין בעם געווען; דער נאך האט ער געפונען אהאר איז ער אין כעס געווארין. רב יהודה זאגט אפלינ האט ער געפונען אין דיא שיסול עסין, אונ אהאר האט ער גיפונען אויף איר ערוה. אפלינ אין שיסול איז נאר מיאוס. אבער אהאר אויף דיא ערוה איז אסכנה. ווארום פארצייטינע ווייבער פלעגין אפ גאלין דיא האר פון דיא ערוה. אנדערע זאגין ביידע האט ער געפונען אין שיסול עסין. נאר אויף דעם פלינ איז ער ניט אין כעס געווארין. ווייל דאס קען זיא ניט פאר היטען. דער פלינ פליהט אליין אריין אין דעם עסין. אבער אויף דעם האר איז ער אין כעס געווען. ווייל זיא האט גידארפט אכטונג געבין דער האר זאל ניט אריין פאלין: אדער זיא האט גידארפט אכטונג געבין אין דעם עסין אונ ארויס נעמען דעם האר:

ב אמר. רב חסדא האט גזאגט אמענטש זאל קיין מאהל ניט ווארפין קיין גרויסע מורא אויף זיינע שטוב מענטשין. וואס ביא פלגש בגבעה ווייל דער מאן האט אויף איר גיווארפין אגרויסע מורא. זענען דורך איר גיפאלין צעהן טויזענדער יודין. רב יהודה האט גזאגט פון רב'ס וועגין דער וואס ווארפט אגרויסע מורא אויף זיינע שטוב מענטשין. וועט זיין דער סוף אז ער וועט קומען צו דריי עבירות. ער וועט בועל זיין זיין ווייב ווען זיא וועט זיין אנדה. זיא וועט אמאהל ניט קענען גיין טבילה. אונ זיא וועט מורא האבין פאר אים צו זאגין אז זיא איז ניט גיווען טבילה. וועט ער זיהר בועל זיין אנדה. אונ עס וועט אמאהל טרעפין אז ער וועט שיקען איינעם פון זיינע שטוב מענטשין ביא נאכט ער זאל אים עפעס ברייגען. אונ ער קען אין דער פינסטער פאלין אין אגרוב אדער אויף אשטיין אונ ווערין גיהרגת: אונ עס קען טרעפין מען האט פארגעסין ערב שבת פאר אים אן צוא גרייטין עפעס אויף שבת. אונ מען האט זיך דערמאנט ערב שבת שפעט אדער אום שבת. אונ ווייל מען האט מורא פאר אים וועט מען אנגרייטין אום שבת אונ מען וועט מחלל שבת זיין. רבה בר בר חנה האט גזאגט דאס וואס דיא רבנן האבין גזאגט דריא זאכין דארף אמענטש זאגין ביא זיך אין שטוב צו זיינע שטוב מענטשין ערב שבת פארין נאכט. האט איר גימעשרת דיא פירות וואס מען וועט מארגין עסין. האט איר גימאכט אעירוב חצרות. צינדט אן ליכט. דיא דריי זאכין דארף ער זאגין רוהיג אונ זאל זיך ניט בייזערין. וועלין זיא אים פאלגין. רב אשי האט גזאגט איך האב דאס פון רבה בר בר חנה ניט גיהערט. נאר מיט מיין שכל האב איך פארשטאנען אז דיא דריי זאכין דארף מען זאגין רוהיג אונ שטיל ניט געבייזערט. רבי אבהו האט גזאגט אמענטש זאל קיין מאהל ניט ווארפין קיין גרויסע מורא אויף זיינע שטוב מענטשין. ווארום אגרויסער מאן האט גיווארפין אגרויסע מורא אויף זיינע שטוב מענטשין

השתא בהמתן של צדיקים אין הקב"ה מביא תקלה על ידם צדיקים עצמם לא כ"ש אלא בקשו להאכילו דבר גדול ומאי ניהו אבר מן החי:

ג שלח ליה מר עוקבא לרבי אלעזר בני אדם העומדים עלי ובידי למוסרם למלכות מהו שרטט וכתב ליה (תהלים לט) אמרתי אשמרה דרכי מחטוא בלשוני אשמרה לפי מחסום בעוד רשע לנגדי אע"פ שהרשע לנגדי אשמרה לפי מחסום שלח ליה קא מצערי לי טובא ולא מצינא דאיקום בהו שלח ליה (שם מ) דום לה' והתחולל לו דום לו לה' והוא יפילם לפניך חללים חללים השכם והערב עליהם לבית המדרש והם כלים מאליהם הדבר יצא מפי רבי אלעזר ונתנוהו לגניבא בקולר:

ד שלחו ליה למר עוקבא זמרא מנא לן דאסור שרטט וכתב להו (הושע ט) אל תשמח ישראל אל גיל כעמים ולישלח להו מהכא (ישעיה כד) בשיר לא ישתו יין ימר שכר לשותיו אי מההוא הוה אמינא הני מילי זמרא רמנא אבל דפומא שרי קמ"ל. א"ל רב הונא

פירוש

עירוני הגירות: בהמתן של צדיקים. בהכל שותפין: אבר מן החי. שהכד מקן אבר בשחוטה ומפני אימתו הפכו עבדיו אבר מן החי והביאו תחתיו שלא יכין:

העומדים עלי. לחרף ולגדף: ובידי למוסרם. כח בידי להלשין עליהם: לנגדי. מריבני ותקיפני: גניבא. שוה הולך עליו: קולר. שלשלת של ברזל שנותנין שם המוכתבין למלכות להריגה: זמרא. לשורר בבית המשתאות: ימר שכר. יבא

האט מען איהם געגעבן עסין אגרויסין איסור. ווער איז געוועזן דער גרויסער מאן: רבי חנניא בן גמליאל: פרעגט דיא גמרא קען דאס זיין אז רבי חנניא זאל עסין וואס מען טאר ניט. מאראך גאט ברענגט ניט קיין שטרויכלונג אויף דיא בהמות פון דיא צדיקים. דיא בהמות זייערע עסין ניט וואס מען טאר ניט. אויף דיא צדיקים אליין וועט דאך גאט געוויס ניט ברענגען קיין שטרויכלונג. אז דיא צדיקים זאלין עסין אזוי אזאך וואס איז אסור: נאר מען האט איהם געוואלט געבין עסין אגרויסין איסור. מען האט אפ געשניטען אשטיק פלייש פון אלעבעדיגע בהמה אונ מען האט דאס גיקאכט אונ מען האט איהם דאס געוואלט געבין עסין נאר גאט האט איהם אפ געהיט ער זאל דאס ניט עסין:

ג שלח. מר עוקבא האט געשיקט צו רבי אלעזר מענטשין זענען אויף גישטאנען אויף מיר. אונ ווילען מיר שלעכטס טאהן: אונ איך קען זייא איבער געבין צום מלך אין דיא הענט. ער זאל זייא שטראפין. מעג איך דאס טאהן אדער ניין. האט רבי אלעזר אפ געווירעט אשטיקול פאפיר אונ האט אויף געשריבען דעם פסוק איך האב גזאגט איך וועל היטען מיינע וועגין פון צוא זינדיגען מיט מיין צונג. איך וועל היטען מיין מויל אזוי וויא מיט אשלאס ווען דער רשע איז נאך געגין מיר. אפילו דער רשע שטייט געגין מיר אונ דער צערינט מיך פון דעסטוועגין וועל איך היטען מיין מויל אזוי וויא מיט אשלאס. דריבער טארסטו זייא ניט איבער געבין צום מלך. האט מר עוקבא נאך אמאהל געשיקט צוא רבי אלעזר דיא רשעים זענען מיך שטארק מצער. אונ איך קען ניט באשטיין געגין זייא האט רבי אלעזר געשיקט צו מר עוקבא דעם פסוק דום לה' והתחולל לו. האף צו גאט וועט ער זייא מאכין פאלין פאר דיר גיהרגתה: בעט אין בית המדרש אויף זייא אין דער פריה אונ פארין נאכט. וועלין זייא אליין פארלענדט ווערין. וויא רבי אלעזר האט ארויס גירעט דיא ווערטער. האט מען גישלאסין גניבא אין קייטען. אונ גניבא איז געוועזן דער ערשטער קריגער אויף מר עוקבא:

ד שלחו. מען האט געשיקט צוא מר עוקבא פרעגין פון וואנען ווייסין מיר אז מען טאר ניט זינגען פרייליך צו מאכין. האט מר עוקבא אפ געווירעט אשטיקול פאפיר אונ האט געשריבען דעם פסוק יודין זאלין זיך ניט פרייען צוא דער פרייד וויא דיא פעלקער פרייען זיך. פרעגט דיא גמרא פאר וואס האט מר עוקבא זייא ניט געשיקט פון דעם פסוק מיט גיזאנג זאל מען ניט טרינקען וויין. עס וועט ביטער זיין דער אלטער וויין צו דיא טרינקערס. ענפערט דיא גמרא פון דעם פסוק וואלט איך מיינען נאר זינגען (שפילען) מיט אכלי טאר מען ניט. אבער זינגען מיט

הונא בר נתן לרב אשי מ״ד (יהושע טו) קינה ודימונה ועדעדה א״ל כתוותא דא״י קחשיב א״ל אטו אנא לא ידענא דמתוותא דארץ ישראל קחשיב אלא רב גביהה מארגיזא אמר בה טעמא כל שיש לו קנאה על חבירו ודומם שוכן עדי עד עושה לו דין א״ל אלא מעתה (שם) צקלג ומדמנה וסנסנה הכי נמי א״ל אי הוה רב גביהה מבי ארגיזא הכא הוה אמר בה טעמא רב אחא מבי חוזאי אמר בה הכי כל מי שיש לו צעקת לגימה על חבירו ודומם שוכן בסנה עושה לו דין. א״ל ריש גלותא לרב הונא כלילא מנ״ל דאסור א״ל מדרבנן דתנן בפולמוס של אספסיינוס גזרו על עטרות חתנים ועל האירוס אדהכי קם רב הונא לאפנויי א״ל רב חסדא קרא כתיב (יחזקאל כא) כה אמר ה׳ אלהים הסיר המצנפת והרים העטרה זאת לא זאת השפלה הגבה והגבוה השפל וכי מה ענין מצנפת אצל עטרה אלא לומר לך בזמן שהמצנפת בראש כ״ג עטרה בראש כל אדם נסתלקה מצנפת מראש כ״ג נסתלקה עטרה מראש כל אדם אדהכי אתא רב הונא אשכחינהו דהוו יתבי א״ל האלהים כדרבנן אלא חסדא שמך וחסדאין מילך

פה : דמנא . כשר : מארגיזא . שם מקום : קנאה . כעס מרמת לבו שלבו קנאה הוא לשון שאדם מתגבר על ריבו או על ריב אחרים כמו קנא קנאתי וכמו בקנאו את קנאתי : צעקת לגימה . שגוזל ממנו ויורד לחייו לשערי מזונותיו : כלילא . מין עושין עטרות לחתנים יש של זהב וכסף צבועות ומצויירות נגפרית ומלה שקורין ניי״ל ויש של ורד ושל הדס : בפולמוס . היא שהעלה אספסיינוס קודם שבא טיטוס עליהם : ועל האירוס . מפרש בפרק בתרא דסוטה שבלא דהד סומא יבוא זוג המקשקש : רב חסדא . תלמידו של רב הונא היה ולא היה מסיב לפניו . וכי קם רב הונא א״ל רב חסדא לריש גלותא קרא כתיב : מה ענין כו׳ . ושלא מגנסם מבגדי כהונה הוא : האלהים מדרבנן . אינו אסור אלא מדרבנן וקרא בעטרה של מלך מיירי שסיס

דעם מויל מעג מען ; זאגט אונז יענער פסוק אז מען טאר גאר ניט . זינגען מיט דעם מויל אויך ניט . רב הונא בר נתן האט גזאגט צו רב אשי וואס מיינט מען קינה ודימונה ועדעדה . האט רב אשי גזאגט דאס איז נעמען פון ארץ ישראל שטעט . האט רב הונא גזאגט וויים איך דען ניט אז דער פסוק רעכנט דיא נעמען פון דיא ארץ ישראל שטעט . נאר רב גביהה פון ארגיזא האט גזאגט אטעם אויף דיא נעמען . דער וואס איז אין כעס אוף זיין חבר . ווייל זיין חבר האט אים שלעכטס גיטאהן . אונ ער שווייגט ; דער וואס רוהט אויף אייביג ; וועט טאהן אמשפט צוא זיין חבר פון זיינעטוועגין . האט רב אשי גזאגט צוא רב הונא וואס העכטו דרשנן אוף צקלג ומדמנה וסנסנה האט רב הונא גזאגט ווען רב גביהה פון ארגיזא וואלט דא גיוועזן וואלט ער שוין גידרשעת אטעם אויף דיא דריי ווערטער אויך . רב אחא פון תוזאי האט אזוי גזאגט אוף די דרייא ווערטער . דער וואס האט צוא שרייען אויף זיין חבר ער האט ביי איהם צוא גינומען זיין פרנסה . אונ ער שווייגט . דער וואס האט גירוהט אויף דעם סנה וועט טאהן אמשפט צוא זיין חבר פון זיינעט וועגין . דער ריש גלותא האט גיפרעגט ביי רב הונא פון וואנען ווייסען מיר אז אחתן טאר ניט ארויס גיין צוא דער חופה מיט אקרוין . האט רב הונא גזאגט נישט דער פסוק האט גיאסרת נאר דיא רבנן האבען גיאסרת . ווארום מיר האבען גילערנט ווען עס איז גיקומען אויף ירושלים דער חיל פון אספסיינוס האבען דיא רבנן גוזר גיוועזן אז אחתן זאל ניט גיין צוא דער חופה מיט אקרוין . אונ מען זאל ניט שפילען מיט דיא כלי וואס הייסט אירוס . דער ווייל איז רב הונא ארויס גינאנגען . האט רב חסדא גזאגט צום ריש גלותא עס שטייט אין פסוק אז אחתן טאר ניט גיין אין אקרוין צוא דער חופה . יחזקאל הנביא האט גזאגט אזו האט גאט גזאגט מען זאל אפ טאהן דעם מצנפת אונ אויף הייבען דיא קרוין דאס ניט דאס דיא נידעריגע הויך מאכען אונ דיא הויכע נידעריגער מאכען . וואס גיהער דער מצנפת צוא דער עטרה . נאר אזוי מיינט מען ווען דער מצנפת איז אויף דעם קאפ פון כהן גדול . מעג זיין אקרוין אויף דעם קאפ פון אלע מענטשין . דאס איז ווען דער בית המקדש איז גישטאנען . אבער אז דער בית המקדש איז חרוב גיווארין אונ עס איז אראפ גינומען גיווארין דער מצנפת פון דעם קאפ פון כהן גדול . איז אראפ גינומען גיווארין דיא קרוין פון דיא קעפ פון אלע מענטשין . דער ווייל

מילך. רבינא אשכחיה למר בר רב אשי דהוה גדיל כלילא לברתיה א"ל לא סבר לה מר הסיר המצנפת והרים העטרה א"ל דומיא דכ"ג בגברי אבל בנשי לא. מאי זאת לא זאת. דרש רב עוירא זמנין א"ל משמיה דרב אמי וזמנין א"ל משמיה דרב אסי בשעה שאמר הקב"ה לישראל הסיר המצנפת והרים העטרה אמרו מלאכי השרת לפני הקב"ה רבונו של עולם זאת להם לישראל שהקדימו לפניך בסיני נעשה לנשמע א"ל לא זאת להם לישראל שהשפילו את הגבוה והגביהו את השפל והעמידו צלם בהיכל:

המצנפת שהתפלל ככהונה ויגלה לדקיס בגולה: והכלאין מילך. הסודין וגאיס דבריך: שלמים. מצומצמים וה"ק קרא אם שלמים מזונותיך וכל שכן אם רבים: וכן נגוזו ועבר. הרי הם משולים לשוכרים בנהר על ידי גזיזה שהגוזוס עוברת

ה דרש רב עוירא זמנין אמר לה משמיה דרב אמי וזמנין אמר לה משמיה דרב אסי מאי דכתיב (נחום א) כה אמר ה' אם שלמים וכן רבים וכן נגוזו ועבר וגו' אם רואה אדם שמזונותיו מצומצמים יעשה מהם צדקה וכל שכן כשהם מרובים מאי וכן נגוזו ועבר תנא דבי ר' ישמעאל כל הגוזז נכסיו ועושה מהם צדקה נצול מדינה של גיהנם משל לשתי רחלות שהיו עוברות במים אחת גוזזה ואחת שאינה גוזזה עברה שאינה

איז רב הונא צוריק געקומען. אונ ער האט גיטראפען אז דער ריש גלותא זיצט מיט רב חסדא. האט רב הונא צו זייא געזאגט איך שווער ביי גאט אז דאס איז נאר געזאגט געווארין פון די רבנן. נאר דוא הייסט חסדא. ותסדאין מילך. אונ דיינע רייד זענען שיין. רבינא איז אמאל געקומען צו מר בר רב אשי. האט ער גיטראפען אז מר בר רב אשי פלעגט אקרוין פון רויזען פאר זיין טאכטער. האט רבינא געזאגט צו מר בר רב אשי האלסטו דען ניט דעם פסוק אז דער מצנפת איז אפ געטאהן געווארין פון כהן גדול. מוזין אלע אראפ נעמען פון זיך די קרוינען. האט מר בר רב אשי געזאגט אזו וויא דער כהן גדול. מאנספערזאנען אונ חתנים טארין ניט גיין מיט קרוינען. אבער ווייבער אונ כלות מעגין יא גיין מיט קרוינען. וואס מיינט מען דאס ניט דאס. האט רב עוירא גידרשת אמאהל האט ער געזאגט פון רבי אמים וועגין אונ אמאהל האט ער געזאגט פון רבי אסים וועגין. ווען גאט האט געזאגט צו די יודין מען זאל אפ טאהן דעם מצנפת (דיא היטעל פון כהן גדול) אונ מען זאל אראפ נעמען די עטרה (די קרוינען פון דיא יודין). האבען דיא מלאכים געזאגט פאר גאט. רבונו של עולם (זאת. דאס אזו שטראפסטו דיא יודין וואס אויף דעם בארג סיני האבען זייא געזאגט נעשה (מיר וועלין טאהן) פאר נשמע (מיר וועלין הערין) האט גאט געזאגט צו דיא מלאכים (לא זאת. ניט דאס) האבען דען די יודין ניט דאס געטאהן זייא האבען נידעריג געמאכט דעם הויכען אונ זייא האבען אויף געהויבען דעם נידעריגען. זייא האבען נידעריג געמאכט גאט. אונ האבען גרויס געמאכט דיא עבודה זרה. אונ זייא האבען געשטעלט אצלם אין בית המקדש:

ה דרש. רב עוירא האט גידרשת אמאהל האט ער געזאגט פון רבי אמים וועגין. אונ אמאהל האט ער געזאגט פון רב אסים וועגין. עס שטייט אין פסוק אזו האט גאט געזאגט אם שלמים וכן רבים וכן נגוזו ועבר. אויב אמענטש זעהט אז זיין פרנסה איז גאנץ. ער פר דינט גאר אזוי פיל וויא ער דארף צום לעבין ניט מער. זאל ער געבין פון זיין פאר דינסט אויף צדקה. וועט אים גאט העלפין ער זאל מער פאר דינען. אונ אויב דער מענטש זעהט אז ער פאר דינט מער וויא ער דארף אויף זיין הוצאה. דארף ער געוויס געבין אויף צדקה. וואס מיינט מען וכן נגוזו ועבר. דבי רבי ישמעאל האבען גילערונט דער וואס שערט אפ פון זיין פאר מעגין אונ ער טוהט מיט זייא צדקה. וועט ער גירעטעט ווערין פון דעם דין פון גיהנם. ער וועט ניט געמשפט ווערין אין גיהנם. דאס איז געגליכען צו צווייא שעפסין וואס זענען גישוואומען אין וואסער. איין שעפס איז גיוועזן אפ גישירין דיא וואל. אונ איין שעפס איז ניט גיוועזן אפ גישוירין דיא וואל. דיא גישוירענע וייל זיא איז גיוועזן גרינג איז זיא אריבער

שאינה גזוזה לא עברה (ע"ב) (סס) ועניתיך אמר מר זוטרא אפילו עני המתפרנס מן הצדקה יעשה צדקה (סס) לא אענך עוד תני רב יוסף שוב אין מראין לו סימני עניות:

(דף ח) ו ורב נחמן בר יצחק אמר בנהרות דארץ ישראל דכולי עלמא לא פליגי] כי פליגי בים הגדול דתניא איזהו ארץ ואיזהו ח"ל כל ששופע ויורד מטורי אמנון ולפנים א"י מטורי אמנון ולחוץ ח"ל והנסין שבים רואין אותן כאילו חוט מתוח עליהם מטורי אמנון עד נחל מצרים מן החוט ולפנים א"י מן החוט ולחוץ ח"ל רבי יהודה אומר כל שכנגד א"י הרי הוא כא"י שנאמר (במדבר לד) וגבול ים והיה לכם הים הגדול וגבול זה יהיה לכם גבול ים וכו':

עוברת כך גזוז מסס לצדקה ויכנו: ועניתיך לא אענך עוד. סיפיה דהאי קרא הוא:
[רב נחמן בר יצחק אמר. הך מתנייתא דהמביא גט אי בנהרות דארץ ישראל: דכולי עלמא לא פליגי. דכארץ ישראל נינהו]: כי פליגי בים הגדול: שהוא תחום מערבי של א"י ופליגי תנאי איכא למ"ד שפת הים הוא גבול וים גופיה לאו א"י הוא ואיכא למ"ד ים גופיה מא"י: איזהו ארץ. מקצוע צפונית מערבית של א"י הר ההר ובתרגום ירושלמי מתרגם הר ההר טורי אמנון וכתיב זה יהיה לכם גבול וגו': כל ששופע ויורד מטורי אמנון ולפנים. לצד א"י דהיינו לצד דרום הוי א"י וכו': והנסין שבים. איי הים שבמערב: נחל מצרים. הוא תחום א"י במקצוע מערבית דרומית ומחובר לים הגדול וכו': שפתים ישק. ראוי הוא לינשק:
איספקא. כלי: א"ל אין. מהדרנא: אמר להו לא. כדאמרינן לעיל אם בא לחזור אינו חוזר:

(דף ט) ז תניא כשנאמרו דברים לפני ר' יוסי קרא עליו המקרא הזה (משלי כד) שפתים ישק משיב דברים נכוחים:

(דף יד) ח רבי אחאי ברבי יאשיה הוה ליה איספקא דכספא בנהרדעא (ע"ב) א"ל לרב דוסתאי ברבי ינאי ולר' יוסי בר כיפר בהדי דאתיתו אתיוה ניהלי אזיל יהבי ניהלייהו אמרי להו נקני מינייכו (אמר) [אמרין] להו לא אמרי להו אהדריה ניהלן רבי

גישהאומען : אונ דיא ניט גישוירענע ווייל זיא איז גיוועזן שווער איז זיא ניט אריבער גישוואומען אין פסוק שטייט ועניתיך . האט מר זוטרא גזאגט אפילו אארעם מאן וואס נעמט צדקה דארף אויך געבין צדקה : לא אענך עוד רב יוסף האט גילערונט אז דער ארעם מאן וועט אזו טאהן אונ ער וועט אויך געבין צדקה : וועט ער זוכה זיין אז ער וועט ניט זיין קיין ארעם מאן :

ו רב נחמן בר יצחק האט גזאגט אויף דיא טייכען פון ארץ ישראל קריגט קיינער ניט : אז זייא האבען דעם דין אזו וויא ארץ ישראל : מען קריגט נאר אויף דעם ים הגדול : איינער זאגט אז דער ים הגדול איז ארץ ישראל . אונ איינער זאגט אז דער ים הגדול איז חוץ לארץ . ווארום מיר האבען גילערונט וועלכעס הייסט ארץ ישראל אונ וועלכעס הייסט חוץ לארץ . דער בארג אמנון ווערט צוא טיילט אויף צוויא טייל . דיא זייט בארג וואס צוא ארץ ישראל איז ארץ ישראל . אונ דיא זייט בארג וואס צוא חוץ לארץ : אונ דיא אינזלען וואס אויף דעם ים . זעהן מיר גלייך וויא עס וואלט גיוועזן פאר צויגען אפאדים פון דיא בערג אמנון ביז צום טייך מצרים . פון דעם פאדים אינווייניג איז ארץ ישראל . אונ פון דעם פאדים אויס ווייניג איז חוץ לארץ : רבי יהודה זאגט אליץ וואס אנקעגין ארץ ישראל . איז אזו וויא ארץ ישראל : אזו וויא עס שטייט אין פסוק דער גרענעץ פון מערב זייט וועט זיין צוא אייך דער גרויסער ים : אונ דער גרענעץ וועט זיין צו אייך דער גרענעץ פון מערב זייט :

ז תניא : מיר האבען גילערונט אז דיא רייד איז גיזאגט גיווארין פאר רבי יוסי : האט ער אויף איהם גילייענט דעם פסוק מען דארף קושען דיא לעפצין וואס ענפערין ריכטיגע רייד :

ח רבי אחאי ברבי יאשיה האט גיהאט אזילבערנע כלי אין נהרדעא . האט רבי אחאי גזאגט צוא רבי דוסתאי ברבי ינאי אונ צוא רבי יוסי בר כיפר אז איר וועט קומען צוריק פון נהרדעא זאלט איר מיט ברייגען דיא כלי פון מיינעט וועגין . זענען זייא גיגאנגען אין נהרדעא אונ דיא מענטשין פון נהרדעא האבען גיגעבין דיא כלי צו רבי דוסתאי אונ רבי יוסי . דער נאך האבען דיא מענטשין פון נהרדעא גזאגט צוא רבי דוסתאי אונ רבי יוסי מיר וועלין אפ קויפען

רבי דוסתאי ברבי ינאי א"ל אין רבי יוסי בר כיפר אמר (לי) [להו] לא הוו קא מצערו ליה אמרו ליה חזי מר היכי קא עביד א"ל טב רמו ליה כי אתו לגביה א"ל חזי מר לא מסתייה דלא סייען אלא א"ל נמי טב רמו ליה א"ל אמאי תעביד הכי א"ל אותם בני אדם הם אמה וכובען אמה ומדברים מחצייהן ושמותיהם מבוהלים ארדא וארטא ופילי בריש אומרים כפותו כופתין אומרים הרוגו הורגין אילו הרגו לדוסתאי מי נתן לינאי אבא בר כמותי אמר ליה בני אדם הללו קרובים למלכות הן א"ל הן יש להם סוסים ופרדים שרצים אחריהם א"ל הן א"ל אי הכי שפיר עבדת:

אמרו ליה. לרבי דוסתאי: חזי מר מאי קא עביד: דלא קמהדר לן: טב רמו ליה. הרבה הכוהו ל' מורי ל"א טב רמו ליה יפה ראויות המכות הללו: אמאי תעביד הכי. שנתרצית להחזיר מיד: הן אמה. אנשי מדות גבוהים בקומה: וכובען אמה. אף מלבושיהן מאויימות מאשר בני אדם: ומדברין מחצייהן. כלומר קולן עבה ונראה הדבור יוצא מטיבורן:

חברי. פרסאי: שקלא לשרגא. שיש לפרסיים יום איד שאין מדליקין אור באותו יום אלא בבית ע"ז שלהם: אמר. רבה בר בר חנה: רחמנא או בטולך. או סתכיאני בצלך. או הגלני בצל בני עשו

המביא פרק שני

(דף טז ע"ב) **א רבה** בר בר חנה חלש עול לגביה רב יהודה ורבא לשיולי ביה בעו מיניה שנים שהביאו גט וכו'. אדהכי אתא ההוא (דף יז) חברא שקלא לשרגא מקמייהו אמר רחמנא או בטולך או בטולא דבר עשו למימרא דארומאי מעלו מפרסאי

פון אַייך דיא כֵּלִי. הָאבֶּען רַבִּי דוֹסְתָּאִי אונ רַבִּי יוֹסִי גְזָאגְט צוא דיא מֶענְטְשֶׁין פון נְהַרְדְעָא מִיר וֶועלֶין נִיט פַאר קוֹיפֶען ׃ הָאבֶּען דיא מֶענְטְשֶׁין פון נְהַרְדְעָא גְזָאגְט צוא רַבִּי דוֹסְתָּאִי אונ רַבִּי יוֹסִי גִיט אוּנְז צוּרִיק דיא כֵּלִי. רַבִּי דוֹסְתָּאִי בְּרַבִּי יַנַּאי הָאט גְיזָאגְט יָא אִיךְ וֶועל צוּרִיק גֶעבִּין. רַבִּי יוֹסִי בַּר כִּיפָּר הָאט גְזָאגְט צוא זֵייא אִיךְ וֶועל נִיט צוּרִיק גֶעבִּין ׃ הָאבֶּען דיא מֶענְטְשֶׁין פון נְהַרְדְעָא מְצַעֵר גִיוֶועז רַבִּי יוֹסִין. אונ זֵייא הָאבֶּען גְזָאגְט צוא רַבִּי דוֹסְתָּאִי זֶעה וָואס רַבִּי יוֹסִי טוּהט אוּנְז עֶר ווִיל נִיט צוּרִיק גֶעבִּין דיא כֵּלִי. הָאט רַבִּי דוֹסְתָּאִי צוא זֵייא גְזָאגְט שְׁלָאגְט אִים גוּט מֶעט עֶר אַייךְ צוּרִיק גֶעבִּין. וֶוען רַבִּי דוֹסְתָּאִי אונ רַבִּי יוֹסִי זֶענֶען צוּרִיק גִיקוּמֶען צוא רַבִּי אַחָאִי ׃ הָאט רַבִּי יוֹסִי גְזָאגְט צוא רַבִּי אַחָאִי זֶעה נִיט גֶענוּג אַז רַבִּי דוֹסְתָּאִי הָט מִיר נִיט גִיהָאלְפֶן. עֶר הָאט נָאךְ גְזָאגְט צוא זֵייא מֶען זָאל מִיךְ גוּט שְׁלָאגִין. הָט רַבִּי אַחָאִי גְזָאגְט צוּ רַבִּי דוֹסְתָּאִי פַאר וָואס הָאסְטוּ אַזוֹ גִיטָאהן אונ דוּא הָאסְט גִיוָואלְט צוּרִיק אַוֶועק גֶעבִּין דיא כֵּלִי. הָאט רַבִּי דוֹסְתָּאִי גְזָאגְט צוּ רַבִּי אַחָאִי דִי מֶענְטְשֶׁין פון נְהַרְדְעָא זֶענֶען הוֹיךְ פִיל אֵיילִין. אונ זֵייעֶרֶע הִיטְלֶען זֶענֶען הוֹיךְ אַאֵייל. אונ זֵייעֶר שְׁטִימֶע אִיז גְרָאבּ אַז עֶס זֶעהְט אוּיס גְלַייךְ וִויא זֵייא וָואלְטִין גִירֶעט פון מִיטֶען בּוֹיךְ פון דֶעם נָאפִּיל. אונ זֵייעֶרֶע נֶעמֶען זֶענֶען שְׁרֶעקְלִיךְ אַרְדָא. אַרְטָא. פִּילִי. בְּרִישׁ. אַז זֵייא זָאגִין מֶען זָאל בִּינְדְעֶן. בִּינְדְט מֶען. אַז זֵייא זָאגִין מֶען זָאל הַרְגֶענֶען. הַרְגֶעת מֶען ׃ וֶוען זֵייא וָואלְטִין גִיהַרְגֶעת מִיךְ דוֹסְתָּאִי ׃ וֶוער וָואלְט גִיגֶעבִּין צוּ מַיין פָאטֶער יַנַּאי אַזוֹ אַזוּהִין וִוי אִיךְ בִּין ׃ הָט רַבִּי אַחָאִי גְזָאגְט צוּ רַבִּי דוֹסְתָּאִי דִיא מֶענְטְשֶׁין זֶענֶען נָאנְט צוּם מֶלֶךְ אוֹיךְ ׃ הָאט רַבִּי דוֹסְתָּאִי גְזָאגְט יָא ׃ הָט רַבִּי אַחָאִי נָאךְ גִיפְרֶעגְט הָאבֶּען זֵייא פֶערְד אונ אֵייזְלֶען וָואס לוֹיפֶען נָאךְ זֵיי. הָט רַבִּי דוֹסְתָּאִי גְזָאגְט יָא. הָט רַבִּי אַחָאִי גְזָאגְט צוּ רַבִּי דוֹסְתָּאִי אוֹיבּ אַזוֹ הָאסְטוּ רֶעכְט גִיטָאהן וָואס דוּא הָאסְט מוֹרָא גִיהַאט פַאר זֵייא ׃

פרק שני

א רַבָּה בַּר בַּר חָנָה אִיז קְרַאנְק גִיוֶוען אִיז אַרַיין גִיגַאנְגֶען צוּ אִים רַב יְהוּדָה אונ רָבָא מְבַקֵר חוֹלֶה זַיין ׃ אונ זֵייא הָאבֶּען בַּייא אִים גִיפְרֶעגְט אַדִין. דֶער וַוייל אִיז אַרַיין גִיקוּמֶן אַפֶּערְסִיאַנֶער אונ הָאט צוּא גִינוּמֶען דִיא לִיכְט פון זֵייא. וָוארוּם דִיא פֶּערְסִיאַנֶער הָאבֶּען אֵיין טָאג אִין יָאר אוּם טוֹב. וָואס דִיא נַאכְט טָאר נִיט בְּרֶענֶען קֵיין לִיכְט אִין קֵיין שְׁטוּבּ נָאר אִין דֶער קִירְכֶע. הָאט רַבָּה גְזָאגְט גָאט אִיךְ בֶּעט דִיךְ אָדֶער נֶעם אוּנְז אִין דַיין שָׁאטֶען. אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל. אָדֶער

ספרסאי והתני רב חייא מ"ד (איוב כח) אלהים הבין דרכה והוא ידע את מקומה יודע הקב"ה בישראל שאין יכולין לקבל גזירת ארומיים עמד והגלה אותם לבבל לא קשיא הא מקמי דנייתו חברי לבבל הא לבתר דאתו חברי לבבל:

(דף כ) ב תניא הרי שהיה צריך לכתוב את השם ונתכוין לכתוב יהודה וטעה ולא הטיל בו דל"ת מעביר עליו קולמוס ומקדש דברי ר' יהודה וחכמים אומרים אין השם מן המובחר:

שהם מכבדים אותם: הבין דרכה. של תורה ולומדיה היכן היא ראויה להתישב: גזירות. שגוזרים גזירה שלא יעסקו בתורה ולא יקיימו מצות: והגלה אותם לבבל. בחורבן הבית: הא מקמי דנייתי חברי לבבל. בימי כשדים נבוכדנאצר ואויל מרודך ובלשאצר: לבתר דאתו חברי. משכבשו פרס את המלכות ומלך בבבל:

מעביר עליו קולמוס. על כל אות ואות: ונתכוין לכתוב יהודה. שהיה טועה וכסבור שהוא צריך לכתוב יהודה וטעה ולא הטיל בו דל"ת. והרי השם כתוב אלא שהוא שלא לשמה:

כרקום. מאור מתרגמינן כרקופין: המיטרפת. ועדיין לא טבעה: לידון. בדיני נפשות: בשעה שמנשבת עושה תלמים בים. כתלם של מענית המחרישה דהיינו חרישית לשון חרישה לפי שחזקה היא: היינו דכתיב. בתמיה: ותך השמש. הכתוב בא להעיד שנתחמם העולם ואתה אומר שספר הכתוב בכח גבורת סערותיה ולכך שהם

כל הגט פרק שלישי

(דף כח ע"ב) א מתני' ג' דברים א"ר אלעזר בן פרטא לפני חכמים וקיימו את דבריו על עיר שהקיפוה כרקום ועל הספינה המיטרפת בים ועל היוצא לידון שהן בחזקת קיימין אבל עיר שכבשוה וכו':

(דף לא ע"ב) (יונה ד) ב ויהי כזרות השמש וימן אלהים רוח קדים חרישית מאי חרישית אמר רב יהודה בשעה שמנשבת עושה תלמים בים א"ל (רבא) [רבה] אי הכי היינו דכתיב (שם) ותך השמש על ראש יונה ויתעלף אלא אמר (רבא)

גיב אונז אין דעם שאטען פון עשו. פרעגט דיא גמרא ווערין מיר דען זאגין אז די רוימער (עשו) זענען בעסער צו יודין וויא דיא פערסיאנער. רב חייא האט דאך געלערנט: עס שטייט אין פסוק גאט האט פאר שטאנען איר וועג אונ ער וייס איר ארט. ווייל גאט ווייס אז דיא יודין וועלין ניט קענען פאר נעמען דיא גזרות פון דיא רוימער. דריבער האט ער זיי פר טריבען אין בבל. זאגט דיא גמרא עס איז ניט קיין קשיא. איידער דיא פרסיים זענען געקומען אין בבל האבען דיא יודין גוט געהאט אין בבל. בעסער וויא אין רוים: אבער דער נאך וויא דיא פערסיאנער זענען געקומען אין בבל. איז שוין פאר יודין שלעכט געווען אין בבל:

ב תניא. מיר האבען געלערנט אסופר דאס געדארפט שרייבען דעם שם. אונ ער האט אין זינען געהאט צוא שרייבען יהודה. אונ ער האט געהאט א טעות אונ האט ניט אריין געשטעלט א דל"ת. איז געבליבען שטיין דער שם. יהו"ה זאל ער נאך אמאהל איבער ציהען מיט דיא פעדער אונ טינט אויף דיא פיר אותיות פון שם. אונ זאל היילגען דיא אותיות צום היילגען נאמען פון גאט. אזוי זאגט רבי יהודה. אונ דיא חכמים זאגין דער שם איז ניט צום בעסטי:

פרק שלישי

א מתניתין. שלשה. דריי זאכען האט רבי אלעזר בן פרטא גזאגט פר דיא חכמים. אונ דיא חכמים האבען אן גינומען זיינע רייד. אויף א שטאט וואס א חיל האבען בעלאגערט. אונ אויף א שיף וואס זיא טריינקט אין ים. אונ אויף א מענטשין וואס מען פירט אים צום משפט אויב מען זאל אים הרגנן. די אלע רעכענען מיר אז זיי לעבין נאך:

ב ויהי. עס שטייט אין פסוק אז דיא זוהן האט אויף גישיינט האט גאט אן גיברייט א מזרח ווינט חרישית. וואס איז דער טייטש חרישית. האט רב יהודה גזאגט חרישית איז דער טייטש האקערין. ווען דער ווינט בלאזט מאכט ער דעם ים אזוי וויא צוא האקערטע בייטין (אנגאנגען). האט רבה גיפרעגט אויב אזוי וואס שטייט אין פסוק דיא זוהן האט גישלאגין אויף

(רבא) [רבה] בשעה שמנשבת משתקת כל הרוחות מפניה והיינו דכתיב (איוב לז) אשר בגדיך חמים בהשקיט ארץ מדרום אמר רב תחליפא בר רב חסדא א"ר חסדא אימתי בגדיך חמים בשעה שמשקיט ארץ מדרום שבשעה שמנשבת משתקת כל הרוחות כפניה: רב הונא ורב חסדא הוו יתבי חליף ואזיל גניבא עליהו אמר חד לחבריה ניקום מקמיה דבר אוריין הוא א"ל אידך מקמיה פלגאה ניקום אדהכי אתא איתו לגבייהו אמר להו במאי עסקיתו אמרו ליה ברוחות (אמרו) [אמר] להו הכי אמר רב חנן בר רבא א"ר ארבע רוחות מנשבות בכל יום ורוח צפונית מנשבת עם כולם שאלמלא כן אין העולם מתקיים אפילו שעה אחת ורוח דרומית קשה מכולן ואלמלא בן נץ מעמידה נחרב כל העולם כולו מפניה שנא' (שם לט) המבינתך יאבר נץ יפרוש כנפיו לתימן. רבא ורב נחמן [בר יצחק] הוו יתבי הוי חליף ואזיל רב נחמן בר יעקב דיתיב בגוהרקא דדהבא ופרים עליה סרבלא דכרתי רבא אזל לגביה רב נחמן בר יצחק לא אזל לגביה אמר דלמא מאינשי דבי ריש גלותא נינהו רבא צריך להו אנא לא צריכנא להו כדחזא דרב נחמן בר יעקב הוה אזיל לגבית גלי

פירוש

לשונו: משתקת כל הרוחות מפניה. כשהיא מנשבת בשעת החום היא חמה מאד ומבטלת נגד כל הרוחות. ולכך בנה הכתוב לקרותה חרישית: שמשקיט ארץ. כשהוא רוח דרומית שוקטת ומי הוא שמשקיטה רוח מזרחית משתקתה שבשעה שמנשבת רוח מזרחית משתקת כל הרוחות: פלגאה. בעל מריבה שהיתה לו מריבה עם מר עוקבא שהיה אב ב"ד כדאמרינן בפ"ק בני אדם העומדין עלי ובידי נמוסרן למלכות וזהו היה גניבא כדמפרש התם: רוח צפונית. נוחה הוא לא חמה ולא צוננת וממתקת את שאר הרוחות: בן נץ. מלאך העשוי כנץ מעמידה. כנפיו: יהבר. לשון אברתו יגדיל כנף: גוהרקא. עגלה העשויה כמטה ומנהיגים בה שרים: סרבלא דכרתי. נבע הכלה דומה לכרתי: אנא לא צריכנא להו. דרב נחמן מהניה דנשיאה הוה

דעם קאם פון יונה איז ער פאר תלשת געווארן. שמועט דאך דער פסוק וויא היים דיא זאך איז געוועזן. אבער ניט פון אויבט. האט רבה געזאגט אזוי מיינט מען אז עם איז היים און דער מזרח ווינט בלאזט. מאכט ער שטיל דיא קעלט פון אלע ווינטען. חרישית איז דער טייטש שטיל: דאס איז וואס עס שטייט אין פסוק דיינע קליידער זענען ווארעם ווען מען מאכט שטיל דיא וועלט פון דרום זייט. האט רב תחליפא בר רב חסדא געזאגט פון רב חסדאס וועגן ווען זענען דיינע קליידער ווארעם. ווען דיא וועלט איז שטיל פון דרום זייט: דער דרום ווינט בלאזט ניט. ווארום ווען דער מזרח ווינט בלאזט מאכט ער שטיל אלע ווינטען. רב הונא און רב חסדא זענען געזעסן. איז גניבא געגאנגען פאר ביא זייא. האט איינער געזאגט צום אנדערין לאזין מיר אויף שטיין פאר אים ווארום ער איז א למדן. האט דער אנדערער געזאגט פאר דעם קריגער וועלין מיר אויף שטיין. דער ווייל איז גניבא געקומען צוא זייא. און ער האט געזאגט צו זייא פון וואס שמועסט איר. האבען זייא געזאגט צוא גניבא מיר שמועסין פון ווינטען. האט גניבא צוא זייא געזאגט אזוי האט געזאגט רב חנן בר רבא פון רבס וועגין פיר ווינטען בלאזין אלע טאג. און דער צפון ווינט בלאזט מיט אלע צוזאמען. ווארום ווען ניט אזוי וואלט די וועלט ניט געקענט בשטיין אפילו איין שעה. און דער דרום ווינט איז דער שווערסטער פון אלע ווינטען. און ווען ניט דער מלאך וואס הייסט בן נץ וואלט פאר שטעלט מיט זיינע פליגעל דעם ווינט. וואלט דיא גאנצע וועלט חרוב געווארין פון דעם ווינט. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק גאט האט געזאגט צוא איוב דוא פאר שטייסט וויא דער מלאך בן נץ פאר שטעלט מיט זיינע פליגעל. ער פאר שפרייט מיט זיינע פליגעל געגען דרום זייט צוא פאר שטעלין דעם ווינט. רבא און רב נחמן בר יצחק זענען געזעסן איז פאר ביי געגאנגען רב נחמן בר יעקב. ער איז געזעסן אין א גאלדענעם וועגעלע און אויף דעם וועגעלע איז געוועזן פאר שפרייט א בלאהער דיוואן. רבא איז געגאנגען צו רב נחמן בר יעקב. און רב נחמן בר יצחק איז ניט געגאנגען צו רב נחמן בר יעקב. ווארום ער הט אים ניט דער קענט ער האט געזאגט טאמער איז ער פון דיא מענשין פון ריש גלותא. רבא דארף זייא. און איך דארף זייא ניט. וויא רב נחמן בר יצחק האט געזעהן אז דאס איז רב נחמן

גלי לדרעיה אמר שדיא נשיב אמר (רבא) [רבה הכי] אמר רב אשה מפלת בו ושמואל אמר אפילו מרגלית שבים מרקבת בו רבי יוחנן אמר אפילו שכבת זרע שבמעי אשה מסרחת בו אמר רב נחמן [בר יצחק] ושלשתן מקרא א' דרשו (הושע יג) כי הוא בין אחים יפריא יבא קדים רוח ה' ממדבר עולה ויבוש מקורו וגו' יבוש מקורו זה מקורה של אשה ויחרב מעינו זה שכבת זרע שבמעי אשה (שם) הוא ישסה אוצר כל כלי חמדה זו מרגליות שבים אמר (רבא) [רב] עדי סוראה הוא דדייקו קראי מאי כי הוא בין אחים יפריא אמר רבא אפי' (דף לג) שופתא בקופינא דמרא רפיא רב יוסף אמר אפילו סיכתא בדפנא רפיא רב אחא בר יעקב אמר אפילו קניא בכופתא רפיא:

בשעור והרוטב: גלייה: רב נחמן בר יעקב. לדרעיה שהיתה רוח מזרחית מנשבת והוחש לו: שדיא נשיב. שהיה מנשבת: שכבת זרע. תוך ג' ימים: מקורה של אשה. עובר שבמעיה: עדי סוראה הוא. [הדבר הזה] מבני סורא הוא דדייקי קראי: שופתא. בית יד: קופינא. הור שבראש המרה שהוא פויפיי"ר ועי"ש שדחוק בין ב' גדי ההור קרי ליה בין אחים שמדובקין: סיכתא בדפנא. יתד שבדופן: רפיא. שמתייבש מתנות החוש ורפה: קניא בכופתא. קנה הארוג בכפישה: רפיא. כמו יפריא:

השולח פרק רביעי

(דף לה) **א אמר** רב יהודה אמר רב מעשה באדם אחד בשני בצורת שהפקיד דינר זהב אצל אלמנה והניחתו בכד של קמח ואפאתו בפת ונתנתו לעני לימים

בר יעקב: איז ער אויך גינאנגען צו אים: און רב נחמן בר יעקב האט אויף גידעקט דיא הענט זיינע. ער האט גזאגט דער שד בלאזט. וויל אמזרח ווינט האט גיבלאזין איז אים ווארעם גיוועזן דריבער האט ער אויף גידעקט דיא הענט: רבה האט גזאגט אזו האט רב גזאגט אאשה איז מפיל דעם טאג וואס דער מזרח ווינט בלאזט. שמואל זאגט אפילו דער פעריל וואס אין ים ווערט פר פוילט דעם טאג וואס אין אים בלאזט דער מזרח ווינט. רבי יוחנן זאגט אפילו די זרע וואס ביי אאשה אין בויך ווערט פאר שטונקין דעם טאג וואס דער מזרח ווינט בלאזט: רב נחמן בר יצחק זאגט אלע דרייא דרשנן פון איין פסוק. ער וועט זיך פרוכטבארין צווישען די ברידער עס וועט קומען אמזרח ווינט דער ווינט פון גאט גייט אויף פון דער מדבר ער וועט אוס טריקענען זיין קוואל. ער וועט אויס טריקענען זיין קוואל דאס מיינט מען דעם קוואל פון דיא אשה. דעם קינד וואס אין איהרע גידערים. ער וועט טרוקען מאכען זיין קוואל דאס מיינט מען דיא שכבת זרע וואס ביי דיא אשה אין בויך. ער וועט רויבין דעם אוצר פון אלע גלוסטיגע זאכען דס מיינט מען דיא פעריל וואס אין ים: רב האט גזאגט דעם דרש האבען דיא מענטשין פון סורא גידרשת. וואס זייא קלערין דעם מיינונג פון דיא פסוקים. וואס מיינט מען כי הוא בין אחים יפריא: האט רבא גזאגט ווען עס איז אמזרח ווינט אפילו דער שטעקין וואס איז אין דיא לאך פון רידער ווערט אויך איין געטריקנט און ער ווערט לויז: (דער שטעקין וואס זיצט אין דיא לאך פון רידער. זיצט ער אזו וויא צווישען ברידער. ווארום דיא אייזין וואס פון אלע זייטען זענען דאך וויא ברידער: און יפריא איז גלייך וויא, עס וואלט גישטאנגען רפיא. לויז). רב יוסף זאגט אפילו דער פלאקין וואס אין וואנט ווערט אויך לויז. ער ווערט אויך טרוקען פון ווינט. רב אחא בר יעקב זאגט אפילו דער שטעקין וואס אין דיא וועבונג ווערט אויך לויז. ווייל ער ווערט טרוקען פון ווינט:

פרק רביעי

א אמר: רב יהודה האט גזאגט פון רבס וועגין אמענטש האט אמאהל אין אהונגער יאר גיגעבין בעהאלטען אגאלדענעם רענדיל ביי אאלמנה: און דיא אלמנה האט דעם רענדיל אריין גילייגט אין אקרוג מעהל. און זיא האט פון דיא מעהל גיבאקט אברויט: און דער רענדיל איז

לימים בא בעל הדינר ואמר לה הבי לי דינרי אמרה ליה יהנה סם המות באחד מבניה של אותה אשה אם נהנית מדינרך כלום אמרו לא היו ימים מועטים עד שמת אחד מבניה וכששמעו חכמים בדבר אמרו מה מי שנשבע באמת כך הנשבע על שקר עאכ"ו. ומ"ט איענשה דאשתרש לה מקום דינר ומאי מי שנשבע באמת כמי שנשבע באמת:

ב ההיא דאתאי לקמיה דרבה בר רב הונא א"ל מאי אעביד לך דרב לא מגבי כתובה לארמלתא ואבא מרי לא מגבי כתיבה לארמלתא א"ל הב לי מזוני אמר לה מזונות נמי לית ליך דא"ר יהודה אמר שמואל התובעת כתובתה בב"ד אין לה מזונות אמרה ליה הפכוה לכורסיה כבי תרי עבדו לי הפכוה לכורסיה והרצוה ואפ"ה לא איפרק מחולשא:

(דף לו ע"ב) ג אמר (שמואל) [עולא] עלובה כלה שזנתה בתיך חופתה [אמר רב מרי

יהנה. יועיל להמיתו: דאשתרש לה מקום דינר. נשתכרה בו עיסה כשוני הדינר שאף לא היה הדינר קיים נותנת עוד עיסה בככר: ומאי מי שנשבע באמת. הא לאו אמת הוא. כמי שנשבע באמת. דהא שוגגת היא:
אין לה מזונות. מעתה דגלית דעתה דבעא לאינסובי ואיהו לא אתני בהדה אלא כל ימי מיגר ארמלותיך בביתו שהיא אלמנה בשביל כבודו: הפכוה לכורסיה ותרצוה. הפכו כסאו וזקפוה כדי שתתקיים הקללה בכך [ס"א הפכוה לכורסיא תפפל גחולתו]: לא איפרוק מחולשא. לא ניצול מלבא לידי חולי:
[עולא וכו'. הג"הה: בקרב חופתה. בעוד שכינה בישראל

גֶעבְּלִיבֶּען אִין דֶעם בְּרוֹיט. אוּנ דֶעם בְּרוֹט מִיטֶן רֶענְדִיל הָאט זִיא גִיגֶעבִּין צוּא אַאָרֶעם מַאן. אִין אַצַייט שְׁפֶּעטֶער אִיז גִיקוּמֶען דֶער מֶענְטְשׁ פוּן דֶעם רֶענְדִיל אוּנ עֶר הָ"ט גְזָאגְט צוּא דִיא אַלְמָנָה גִיבּ מִיר מַיין רֶענְדִיל. הָאט דִיא אַלְמָנָה צוּא אִים גִיזָאגְט זָאל סַם הַמָוֶת הַרְגֶנֶן אֵיינֶעם פוּן מַיינֶע קִינְדֶער אוֹיבּ אִיךְ הָיבּ הֲנָאָה גִיהַאט פוּן דַיין רֶענְדִיל. מֶען הָט גְזָאגְט אִין עֶטְלִיכֶע טֶעג שְׁפֶּעטֶער אִיז גִישְׁטָארְבִּין אֵיינֶע פוּן אִירֶע קִינְדֶער. אַז דִיא חֲכָמִים הָאבֶּען דָאס גִיהֶערְט הָאבֶּען זֵייא גִיזָאגְט מַאדָאךְ דֶער וָואס שְׁוֶוערְט אֱמֶת וֶוערְט גִישְׁטְרָאפְט; דֶער וָוס שְׁוֶוערְט פַאלְשׁ וֶועט גֶעווִיס גִישְׁטְרָאפְט וֶוערִין. אוּנ פַאר וָואס אִיז זִיא גִישְׁטְרָאפְט גִיוָוארִין. וָוארוּם זִיא הָאט יָא הֲנָאָה גִיהַאט פוּן דֶעם רֶענְדִיל. וָוארוּם זִיא הָאט פַאר דִינְט דִיא שְׁטִיקוּל טֵייג וָואס עֶס הָאט גִידַארְפְט לִיגֶען אוֹיף דֶעם אָרְט וואו דֶער רֶענְדִיל אִיז גִילֶעגִין; פְרֶעגְט דִיא גְמָרָא וָואס זָאגְט מֶען פְרִיעֶר מַאדָאךְ דֶער וָואס הָאט גִישְׁוואוֹרִין אֱמֶת. דִיא אַלְמָנָה הָאט דָאךְ נִיט גִישְׁוָוארִין אֱמֶת. וָוארוּם זִיא הָאט דָאךְ מַאקִי הֲנָאָה גִיהַאט פוּן דֶעם רֶענְדִיל. זָאגְט דִיא גְמָרָא דָאס אִיז אַזוֹי וִויא זִיא וָואלְט גִישְׁוָוארִין אֱמֶת. וָוארוּם זִיא הָאט דָאךְ נִיט גִיוואוּסְט אַז דֶער רֶענְדִיל לִיגְט אִין דֶעם בְּרוֹיט:

ב הַהִיא. אַאַלְמָנָה אִיז אַמָאהל גִיקוּמֶען פַאר רַבָּה בַּר רַב הוּנָא עֶר זָאל הֵייסִין דִיא יְתוֹמִים זֵייא זָאלִין אִיר בַּצָאלִין דִיא כְּתוּבָּה. הָאט רַבָּה גִזָאגְט צוּא אִיר וָואס זָאל אִיךְ דִיר טָאהן אַז רַב פְלֶעגְט נִיט גֶעמֶען פוּן יְתוֹמִים גֶעלְט צוּא בַּצָאהלִין דִיא אַלְמָנָה אִיר כְּתוּבָּה. אוּנ מַיין פָאטֶער פְלֶעגְט אוֹיךְ נִיט גֶעמֶען פוּן יְתוֹמִים גֶעלְט צוּא בַּצָאהלִין דִיא אַלְמָנָה אִיר כְּתוּבָּה. הָט דִיא אַלְמָנָה גִזָאגְט צוּא רַבָּה זָאג דִיא יְתוֹמִים זֵייא זָאלִין מִיר גֶעבִּין עֶסִין. הָאט רַבָּה צוּ אִיר גְזָאגְט עֶסִין קוּמְט דִיר אוֹיךְ נִיט. וָוארוּם רַב יְהוּדָה הָאט גְזָאגְט פוּן שְׁמוּאֶלְס וֶועגִין דִי אַלְמָנָה וָואס מָאנְט אִיר כְּתוּבָּה בַּייא בֵּית דִין. קוּמְט אִיר נִיט קַיין עֶסִין פוּן דִיא יְתוֹמִים; הָאט דִיא אַלְמָנָה גְזָאגְט קֶערְט אוּם זַיין שְׁטוּל. וְזִיא הָאט אִים גִיפְלוּכְט עֶר זָאל שְׁטַארְבִּין. וָוארוּם פַאר צַייטִין אַז אֵיינֶער אִיז גִישְׁטָארְבִּין דִיא זִיבֶּען טֶעג פוּן שִׁבְעָה אִיז גִיוֶוען אוּמְגֶיקֶערְט דִי בֶּעטִין אוּנ דִיא שְׁטוּהְלִין וָואס מֶען זִיצְט אוֹיף זֵייאוּ. וָוארוּם עֶר הָאט מִיר גִיטָאהן אַזוֹ וִויא צְווֵייא. אַזוֹי וִויא רַב אוּנ אַזוֹ וִויא שְׁמוּאֵל. הָאט מֶען אוּמְגֶיקֶערְט דִיא שְׁטוּהל פוּן רַבָּה. וֶועס זָאל מְקוּיָם וֶוערִין אִיר קְלָלָה מִיט דֶעם שְׁטוּהל אוּמְקֶערִין) . אוּנ מֶען הָאט דִיא שְׁטוּהל בַּאלְד צוּרִיק אוֹיף גִישְׁטֶעלְט. זָאגְט דִיא גְמָרָא פוּן דֶעסְטְווֶעגִין אַבִּיסוּל אִיז דִיא קְלָלָה מְקוּיָם גִיוָוארִין. וָוארוּם רַבָּה אִיז שְׁוַואךְ אוּנ קְרַאנְק גִיוָוארִין:

ג אָמַר. עוּלָא הָאט גְזָאגְט וָואס פַאר אַחֲצוּפָּה (אוּנ פַאר שֶׁעמְט) אִיז דִיא כַּלָה וָואס אִיז

מרי ברה דבת שמואל מאי קראה (שיר א) עד שהמלך במסבו נרדי נתן ריחו אמר רבא עדיין חביבותא הוא גבן דכתיב נתן ולא כתיב הסריח]. ת"ר הנעלבים ואינן עולבים שומעים חרפתם ואינם משיבים עושים מאהבה ושמחים ביסורים עליהם הכתוב אומר (שופטים ה) ואוהביו כצאת השמש בגבורתו [מאי פרוסבול אמר רב חסדא פרוס בולי ובוטי (דף לז) בולי אלו עשירים דכתיב (ויקרא כו) ושברתי את גאון עוזכם ותני רב יוסף אלו בולאות שביהודה בוטי אלו העניים דכתיב (דברים כג) העבט תעביטנו]:

(דף לח ע"ב) ד אמר (רבא) [רבה] בהני תלת מילי נחתי בעלי בתים מנכסיהם דמפקי עבדיהו להירות ודסיירי נכסיהו בשבת ודקבעי סעודתייהו בשבתא בעידן בי מדרשא דא"ר חייא בר אבא א"ר יוחנן ב' משפחות היו בירושלים אחת קבעה סעודתה בשבת ואחת קבעה סעודתה בערב שבת ושתיהן נעקרו:

וישראל בכיה עמו את העגל וכו' : נרדינון ריחו. בושמי עזב את ריחו הטוב כמו ולא נתן סיחה וגו' : עדיין חביבותא. אף על פי שהזכיר קלקולינו לא הזכיר אלא במראית פנה דלא כתיב הסריח] : הנעלבים. גרסינן אותם שנעלבים מיד אחרים : ואינן עולבים. את אחרים : עושה. מעשה מאהבת המקום ולא ליטול שכר ולא מיראת פורענות : [פרוז. תקנה : בולי ובוטי. עשירים שלא יפסידו ועניים שלא ינעלו דלת בפניהן : בולאות. עשירים : העבט. ומי הן הלווים עניים] :

דמפקי עבדייהו לחירות. ועברי בעשה שנא' לעולם בהם תעבודו : ודסיירי נכסייהו. שהולכים מסתכלים בשבת לידע מה הם צריכים : בעידן בי מדרשא. שהחכם דורש דרשה לרבים בשבת והם יושבים בסעודה והיה להם להקדים או לאחר : בערב שבת. בליל שבת ואין כאן כבוד שבת דקיימא לן כבוד יום קודם לכבוד לילה והם היו מתכוונין בשביל ביטול בית המדרש. ואית דמפרשים בערב שבת ממש וכן בכל יום מרוב עושר אבל בהא מיהו איכא איסורא שיכנס לשבת כשהוא שבע כלא תאוה :

מזנה אונטער דער חופה. דיא יודין האבען אויך אזו גיטאהן. ווען זייא זענען גישטאנען בייא דעם בארג סיני : האבען זייא גימאכט דעם עגל. רב מרי דער זוהן פון שמואלס טאכטער האט גזאגט אזו שטייט אין פסוק עד שהמלך במסבו. ווען דער מלך הקדוש ברוך הוא איז נאך גיוועזען ביי זיין אן לעהונג. אויף דעם בארג סיני. נרדי נתן ריחו. האט שוין מיין בשמים אוועק גיגעבין זיין ריח. דאס מיינט מען דיא יודין האבען אוועק גיגעבין זייער אמונה אונ האבען גימאכט דעם עגל. רבא זאגט דער פסוק זאגט נאך מיט ליבשאפט. ווארום עס שטייט ער האט אוועק גיגעבין. אונ עס שטייט ניט ער האט פאר שטונקין. דיא רבנן האבין גילערונט דיא וואס ווערין פאר שעמט. אונ זייא פאר שעמען ניט קיין אנדערין : זייא הערין זייער חרפה : אונ זייא ענטפערין ניט צוריק יענעמס חרפה. זייא טוהען מצות ווייל זייא האבען ליב גאט : אונ אז עס קומט אויף זייא יסורים. פרייען זייא זיך מיט דיא יסורים : אויף זייא זאגט דער פסוק דיא וואס האבען ליב גאט וועלין זיין אזוי וויא דיא זוהן ווען זיא גייט ארויס מיט איהרע שטארקייט. וואס איז פרוסבול. האט רב חסדא גזאגט דאס איז אתקנה בולי ובוטי. פר די רייכע אונ פאר דיא ארעמע : בולי איז טייטש רייכע : אזו וויא עס שטייט אין פסוק איך וועל צוא ברעכין אייערע גרויסע שטארקייט. האט רב יוסף גילערונט דאס מיינט מען בולאות שביהודה. דיא רייכע מענטשין פון יהודה. בוטי איז טייטש ארעמע. אזו וויא עס שטייט אין פסוק העבט תעביטנו. דוא וועסט נעמען בייא אים אמשכון. ביי וועמען נעמט מען אמשכון. בייא דעם ארעם מאן :

ד אמר. רבה האט גזאגט דורך דיא דרייא זאכען גייען בעלי בתים אראפ פון זייער פאר מעגין. ווייל זייא מאכען פרייא זייערע גוישע קנעכט. אונ ווייל זייא זעהן ארום אום שבת זייערע פעלדער וואס עס פעלט צום פאר בעסערין : אונ ווייל זייא עסין אום שבת אין דער צייט ווען מען זאגט אדרשה אין בית המדרש אונ זייא גייען ניט הערין דיא דרשה : ווארום רבי חייא בר אבא האט גזאגט פון רבי יוחנן'ס וועגין : צוויי משפחות זענען גיוועזען אין ירושלים. איין משפחה פלעגין עסין אום שבת אין דער צייט וואס מען האט גזאגט אדרשה אין בית המדרש אונ איין משפחה פלעגין עסין ערב שבת זענען זייא גיוועזען זאט. אונ האבען ניט גיקענט עסין בייא נאכט דיא ערשטע סעודה פון שבת : אונביידע משפחות זענען אויס גריסען גיווארין :

(דף מג) **ה דרש** רבה בר רב הונא כשם שהמקדש חצי אשה אינה מקודשת כך חציה שפחה וחציה בת חורין שנתקדשה אינה מקודשת א"ל רב חסדא מי דמי התם שייר בקנינו הכא לא שייר בקנינו הדר אוקי רבה בר ר"ה אמורא עילויה ודרש (ישעיה ג) והמכשלה הזאת תחת ידך אין אדם עומד על דברי תורה אלא א"כ נכשל בהם אע"פ שאמרו המקדש חצי אשה וכו' (והודה לדברי רב חסדא):

(דף מה) **ו בנתיה** דרב נחמן בחשן קידרא בידייהו קשיא ליה לרב עיליש כתיב (קהלת ז) אדם אחד מאלף מצאתי אשה בכל אלה לא מצאתי הא איכא בנתיה דרב נחמן גרמא (ליה) [להו] מלתא ואשתביין ואשתבאי איהו נמי בהדייהו יומא חד הוה יתיב גביה ההוא גברא דהוה ידע בלישנא דצפורי אתא עורבא וקא קרי א"ל מאי קאמר אמר ליה עיליש ברח אמר עורבא שקרא הוא ולא סמיכנא עליה אדהכי אתא יונה וקא קריא א"ל מאי קאמרה א"ל עיליש ברח אמר

אוקי אמורא עליה. שעמיד מתורגמן [לפניו] לחזור ולדרוש: והמכשלה הזאת. כלומר כך התחיל בה: שה מקרא כתוב והמכשלה הזאת תחת ידך באנשי ירושלים שפסקה תורה מהם והיו שואלין לחבריהם שמלה לכה קצין תהיה לנו והמכשלה הזאת תחת ידך כלו' דברים שמכוסין כשמלה שלך הם שאתה בקי בהם אמור לנו ותהיה קצין והמכשלה הזאת דברי תורה שאין אדם עומד על אמתתה עד שיכשל בהם להורות טעות ויכלימוהו והוא נותן לב ומבין התת ידך הם אף אני נכשלתי בהוראתי וחזרני בי:
בחשן קידרא בידייהו. מגיסות הקדירה בידיהן כשהיא רותחת והרואה סבור שאין האור שולטת בהן שצדקניות הם: אחד מאלף מצאתי. שאלה מדיק: א"ל. רב עיליש להאי גברא: מאי

ה דרש. רבה בר רב הונא האט גידרשת אזוי וויא אז איינער איז מקדש אהאלבע אשה איז דיא קדושין גאר ניט; אזוי אז מען איז מקדש אאשה וואס העלפט איז זיא אדינסט אונ העלפט איז זיא פרייא. איז אויך דיא קדושין גאר ניט. האט רב חסדא גזאגט צוא רבה איז דען גליך איין דין צום אנדערין; דארט אז ער האט מקדש גיוועזן אהאלבע אשה; אונ ער הט גיקענט איר מקדש זיין אין גאנצען. האט ער דאך גילאזין פון זיין קויפונג; דריבער איז דיא קדושין גאר ניט. אבער דא ביי דיא האלבע דינסט; האט ער מקדש גיוועזן אין גאנצין וואס ער האט נאר גיקענט מקדש זיין. דיא פרייהע העלפט האט ער גיקענט מקדש זיין. אונ דיא אנדערע העלפט וואס זיא איז אדינסט האט ער ניט גיקענט מקדש זיין. דריבער בארף זיין גוטע קדושין; הער נאך האט רבה בר רב הונא גישטעלט אאמורא נעבין זיך אונ האט גידרשת עס שטייט אין פסוק דיא שטרויכלונג איז אונטער דיין האנט. אמענטש קען ניט בשטיין אויף דיא רייד פון דיא תורה. ער קען ניט וויסען דעם ריכטיגען דין פון דער תורה. ביז ער ווערט פריער גישטרויכילט. ער האט פריער אטעות אזוי איך האב אויך גיהאט אטעות אונ ער האט גידרשת אזוי וויא רב חסדא האט גזאגט:

ו בנתיה. דיא טעכטער פון רב נחמן פלעגין אוים מישען די הייסע גיקעכץ וואס אין טאפ. מיט דיא הענט; האט רב עליש גיפרעגט עס שטייט אין פסוק שלמה המלך האט גזאגט מאנספערזאנען האב איך גיפונען איינעם פון טויזענד וואס זאל זיין אצדיק. אונ נקבות האב איך איינע פון טויזענד אויך ניט גיפונען זאל זיין אפרומע. מיר זעהן דאך דיא טעכטער פון רב נחמן זענען גיוועזן אזוי פרום אז דיא הייסע גיקעכץ האבען זייא ניט אפ געבריט. די רייד פון רב עיליש האט אויף זייא מקטרג גיוועזן; אז זייא זענען גיפאנגען גיווארין. אונ רב עיליש איז אויך גיפאנגען גיווארין מיט זייא. אמאהל איז גיזעסין נעבין רב עיליש אמענטש וואס האט גיוואוסט וואס דיא פייגלען ריידין. איז גיקומען צוא פליהען אקראה אונ הט גירעט. האט רבי עיליש גזאגט צו דעם מענטש וואס זאגט דיא קראה. האט דער מענטש גזאגט דיא קראה זאגט עיליש אנטלויף. עיליש אנטלויף. האט רב עיליש גזאגט דער קראה איז אליגנער איך וועל מיך ניט פאר לאזין אויף אים; דער וויייל איז גיקומען אטויב אונ האט גירעט. האט רב עיליש גזאגט צוא דעם מענטש וואס זאגט דיא טויב; האט דער מענטש גזאגט דיא טויב זאגט עיליש אנטלויף. עיליש אנטלויף. האט רב עיליש גזאגט דיא יודין זענען געגליכען צו אטויב.

אמר כנסת ישראל ביונה מתילא ש"מ מיתרחש לי ניסא אמר איזיל אחזי בנתיה דר"נ אי קיימין בהימנותייהו אהדרינהו אמר נשי כל מילי דאית להו סדרן להדדי בבית הכסא שמעינהו דקאמרן עדי גוברין ונהרדעי גוברין נימא להו לשבוייהו דלרחקינהו מהכא דלא ליתי אינשי ולשמעי ולפרקינן קא ערק איהו וההוא גברא לדידיה איתרחיש ליה ניסא עבר במברא וההוא גברא אשכחוהו וקטלוהו כי הדרן ואתאין אמר הוו קא בחשן קידרא בכשפים:

קאמר. האי עורבא: ביונה מתילא. ביונה נמשלא דכתיב יונתי תמתי: סדרן להדדי. נושאות יחד בבית הכסא: עדי גוברין. אלו השבאים בעלינו הם: ונהרדעי גוברין. ישראלים אנשינו שבנהרדעי בעלינו היו כלו' כשם שהם היו בעלינו כך אלו בעלינו אין אנו צריכות עוד להם: עדי. אלו כמו עדא אמרא זאת אומרת: לרחקינהו מהכא. שירחיקנו מכאן: איהו וההוא גברא: רב עיליש ואותו האיש המבין בלשון העופות: עבר מברא. מעבר המים ולא יכלו להשיגו עוד:

מ"ט דר' יהודה. דל"ר נדר שנודר ברבים אין לו הפרה: ולא הכום. בגבעונים כתיב: נשבעו להם

(דף מו) ז א"ר אלעזר בר' יוסי מפני מה אמרו המוציא את אשתו משום שם רע ומשום נדר לא יחזיר שלא יהו בנות ישראל פרוצות בעריות ובנדרים לפיכך אומרים לו אמור לה הוי ידעת שמשום שם רע אני מוציאך ומשום נדר אני מוציאך:

ח פיסקא ר' יהודה אומר כל נדר שידעו בו רבים לא יחזיר ושלא ידעו בו רבים יחזיר אמר ריב"ל מאי טעמא דרבי יהודה דכתיב (יהושע ט) לא הכום בני

געווים וועט מיך טרעפין אנס. האט רב עיליש גזאגט איך וועל גיין זעהן דיא טעכטער פון רב נחמן אויב זייא זענען נאך פרום וויא זייא זענען גיוועזן. וועל איך זייא אויך מיט נעמען; האט רב עיליש גזאגט ווייבער אלץ וואס זייא וויסין שמועסין זייא איינע מיט דיא אנדערע אין בית הכסא. איז רב עיליש גיגאנגען צום בית הכסא האט ער גיהערט וויא זייא זאגין איינע צוא דיא אנדערע. דיא מענטשין וואס האבען אונז גיפאנגען זענען אויך אונזערע מאנען. אזוי וויא דיא מאנען וואס מיר האבען גיהאט אין נהרדעא. צו וואס זאלין מיר אנטלויפען פון דאנען; מיר וועלין זאגין צוא אונזערע פאנגער זייא זאלין אונז אוועק פירען ווייט פון דעם ארט. ווארום טאמער וועלין מענטשין הערין אונ וועלין וויסען אז מיר זענען דא וועלין זייא קומען אונז אויס ליזין פון דאנען; איז רב עיליש מיט דעם מענטש וואס האט פר שטאנען דיא פייגיל שפראך אנטלאפין גיווארין; צוא רב עיליש האט זיך גיטראפען אנס אונ ער איז אריבער גישוואומען דעם וואסער אויף אפראם. דאט מען אים שוין ניט גיקענט חאפען. אונ דעם מענטש האט מען גיחאפט אונ מען האט אים גיהרגת. דער נאך אז מען האט אויס גילייזט דיא טעכטער פון רב נחמן אונ זיי זענען צוריק גיקומען אהיים; הט מען גיזעהן אז זיי האבין אויס געמישט דיא הייסע גיקעכץ ווס אין די טעפ מיט די הענט דורך כישוף:

ז אמר. רבי אלעזר ברבי יוסי האט גזאגט פר וואס הט מען גזאגט אז איינער גט זיין ווייב ווייל זיא האט גיהאט אשלעכטין נאמען. מען האט איר חושד גיוועזן אז זיא איז מזנה. אדער ער האט איר גיגט ווייל אויף יעדער זאך פלעגט זיא באלד אנדר טאהן. טאר ניט דער מאן איר צוריק נעמען. דאס איז ווייל דיא יודישע טעכטער זאלין ניט זיין קיין זונות אונ זאלין ניט טאן קיין נדרים. ווארום זייא וועלין זעהן אז דורך דעם וועלין זייא גיגט; דריבער זאגט מען צו אים ער זאל זאגין צו זיין ווייב פאר דעם גט דוא זאלסט וויסען אז איך גט דיך ווייל דוא האסט אשלעכטין נאמען אדער ווייל דוא האסט גיטאהן נדרים. טאמער וועט זיא בעסער ווערין:

ח פיסקא; רבי יהודה זאגט דער נדר ווס פיל מענטשין ווייסען פון אים. זאל מען ניט חרטה האבען פון דעם נדר. אונ אויב עס ווייסין ניט פיל מענטשין פון דעם נדר. מעג מען חרטה האבען פון דעם נדר. רבי יהושע בן לוי האט גזאגט פר וואס האלט רבי יהודה אזו. ווארום עס שטייט אין פסוק די יודין האבען ניט גישלאגין דיא גבעונים ווייל דיא עלצטע פון די עדה האבען גישווארין זייא זאלין בלייבען לעבין. הט מען דאך גיקענט מתיר זיין דיא שבועה; נאר ווייל אלע יודין האבען גיוואוסט פון דער שבועה דריבער האט מען זייא ניט גיקענט מתיר זיין דיא

בני ישראל כי נשבעו להם נשיאי העדה ורבנן התם מי חלה עלייהו שבועה כלל כיון דאמרו להו מארץ רחוקה באנו ולא באו לא חילה עלייהו שבועה כלל והאי דלא קטלינהו משום קדושת השם :

(דף מז) **ט ריש** לקיש זבין נפשיה ללודאי שקל בהדיה חייתא וגלגלתא אמר גמירי דיומא בתרא כל דבעי מינייהו עבדו ליה כי היכי דליחול אדמיה יומא בתרא אמרו ליה מאי ניחא לך אמר להו בעינא אקמטינכו ואותבינכו וכל חד מנייכו אמחיה חייתא ופלגא קמטינהו ואותבינהו וכל חד מינייהו כד מחייה חדא חייתא נפק נשמתיה חרקינהו לשיניה א"ל אחוכי קא מחייכת בי אכתי פש לך גבי פלגא דחייתא קטלינהו כולהו נפק ואתא [יתיב] קאכיל ושתי אמרה ליה ברתיה לא בעית מידי למזגא עליה א"ל בתי כריסי כרי כי נח נפשיה שבק קבא דמוריקא קרא אנפשיה (תהלים מט) ועזבו לאחרים חילם :

פירוש

להם. והוה להו לאתשולי אשבועתייהו אי לאו משום שהודר ברבים : **ורבנן**. דאמרי יש לו הפרה : **התם**. לאו משום שאין הפרה הוא דאפילו הפרה לא צריך דמי חילה שבועה עלייהו כלל הלא בטעות היתה : משום קדושת השם : שלא יאמרו שנכרים עברו על שבועתן :

לודאי. אומה שאוכלים בני אדם : **חייתא וגלגלתא**. שק קשור ופקיע ועגול (או) של אבן או של עופרת בתוכו : **דיומא בתרא**. כשהורגים אותו : **דליחול אדמיה**. שימחול על דמו : **אקמטינכו ואותבינכו**. לקשור אתכם ולהושיבכם : **חייתא ופלגא**. כלומר מכה וחצי מכה : **יתיב קאכיל ושתי**. כל ימיו כל מה שהיה משתכר לא הוה מניח לעצמו ליום מחר : **למזגא עליה**. כר או כסת לישן עליו : **כריסי כרי** : בטני והזמן שבמעי הוא לי כר וכסת : **מוריקא**. כרכום :

הניזקין פרק חמישי

(דף מט ע"ב) **א תניא** א"ר שמעון מפני מה אמרו הניזקין שמין להם בעידית מפני

שבועה · דיא רבנן זאגין דארטין ביי די גבעונים איז אויף די עלצטע גאר ניט געווען קיין שבועה, וויל די גבעונים האבין זייא גינארט : זייא האבען גזאגט מיר זענין גיקומען פון אוייטע לאנד : אונ זיי זענען גאר גיקומען פון אנאנטע לאנד · איז אויף דיא עלצטע גאר ניט געווען קיין שבועה · גאר פאר וואס האבען דיא יודין ניט גיהרגת די גבעונים · עס זאל גיהייליגט ווערין דער נאמען פון גאט · גוים זאלין ניט זאגין יודין האלטען ניט זייערע שבועות :

ט ריש לקיש האט זיך פאר קויפט צוא דיא לודאים · וואס זייא עסין מענטשין פלייש · האט ריש לקיש גינומען מיט זיך אזאק · אונ אין זאק האט ער אריין גילייגט אקיילעכדיגען שטיין : ריש לקיש האט גזאגט מיר ווייסין אז דעם לעצטין טאג וואס זייא ווילען הרגנן דעם מענטשין · וואס דער מענטש בעט ביי זייא געבין זייא אים · ער זאל זייא נאר מוחל זיין אויף זיין בלוט וואס מען וועט אים הרגנן · וויא עס איז גיקומען דער לעצטער טאג וואס מען האט שוין גידארפט הרגנן דעם ריש לקיש · האבין דיא לודאים גזאגט צו ריש לקיש וואס ווילסטו זאל מען דיר טאהן · האט ריש לקיש צו זייא גזאגט איך וויל אייך בינדען אונ אייך זעצין : אונ צו יעדען פון אייך וועל איך שלאגין אקלאפ מיט אהאלבין קלאפ · האט ער זייא גיבונדען אונ האט זייא גיזעצט · אונ ער איז צו גיגאנגען צוא איינעם אונ וויא ער האט אים גיגעבין אקלאפ מיט דעם זאק וואס אינווייניג איז גילעגין דער גרויסער שטיין · איז פון אים באלד ארויס גיגאנגען דיא נשמה : האט ער פארקריצט מיט דיא ציין · האט ריש לקיש צו אים גזאגט דו לאכסט פון מיר : דיר קומט דאך נאך פון מיר אהאלבען קלאפ · אונ אזוי האט ער גיטאהן צוא יעדען בזונדער · ביז ער האט אלע אויס גיהרגת · איז ער ארויס גיגאנגען פון זייא אונ איז גיקומען אהיים אונ האט זיך גיזעצט עסין אונ טרינקען : האט דיא טאכטער צוא איהם גזאגט טאמער ווילסטו אקישין צו לייגין זיך אביסול שלאפין : האט ריש לקיש צו איהר גזאגט מיין טאכטער מיין בויך איז מיין קישין · ער האט גיהאט אגרויסין אונ אפעטין בויך · ווען ריש לקיש איז גישטארבין האט ער גילאזין אביסול זאפרען · האט ער גילייענט אויף זיך דעם פסוק זייא פאר לאזין צו פרעמדע זייער פארמעגין :

א תניא · מיר האבען גילערונט רבי שמעון האט גזאגט פאר וואס האט מען גזאגט אז

מפני הגזלנים ומפני החמסנים כדי שיאמר אדם למה אני גוזל ולמה אני חומס למחר ב"ד יורדין לנכסי ונוטלין שדה נאה שלי וסומכין על מה שכתוב בתורה (שמות כב) מיטב שדהו ומיטב כרמו ישלם:

(דף נב) ב ההוא אפוטרופוס דהוה בשבבותיה דר"מ דהוה קא מזבין ארעתא וזבין עבדי ולא שבקיה רבי מאיר אחוז ליה בחלמא אני להרוס ואתה לבנות ואפ"ה לא אשגח אמר דברי חלומות לא מעלין ולא מורידין הנהו בי תרי דאגרי בהו שטן דכל בי שמשי הוו קא מנצו בהדי הדדי איקלע ר"מ להתם עכבינהו תלתא בי שמשי עד דעבד להו שלמא שמעיה דקאמר וי דאפקיה ר' מאיר להההוא גברא מביתיה:

(דף נה) ג ת"ר גזל מריש ובנאו בבירה ב"ש אומרים מקעקע כל הבירה כולה ומחזיר מריש לבעליו וב"ה אומרים אין לו אלא דמי מריש בלבד משום תקנת השבין:

(ע"ג) ד משנה לא היה סיקריקון ביהודה בהרוגי המלחמה:

גזלן. לא יהיב דמי חמסן יהיב דמי: דכל בי שמשא. של ערב שבת: שמעיה. לשטן דקאמר וי דאפקיה מביתיה:

סיקריקון. נכרי רוצח שנותן לו ישראל קרקע בפדיון נפשו ואומר לו טול קרקע זו ואל תמיתני (וכונת המשנה בכלל כי טיטוס המלך לישראל גזר בפולמוס שלו שלשה גזירות כנגד ישראל היושבים בארץ יהודה. גזירתא קמייתא כל דלא קטיל ליקטליה. מציעתא כל דקטיל לייתי ארבע זוזי. בתרייתא כל דקטיל ליקטלוהו הלכך קמייתא ומציעתא כיון דקטליה אגב אונסיה גמר ומקני. ופירוש לא היה סיקריקון שלא בא איש יהודי ולקח מן הרוצח

למשל ראובן האט גיטאהן אשאדין צו שמעון. אויב ראובן בצאהלט דעם שאדין מיט פעלד מוז ער געבין דיא בעסטע פון זיינע פעלדער. דאס האט מען געמאכט פאר דיא גזלנים אונ דיא חמסנים: [אגזלן הייסט אז ער נעמט אוועק אן געלט: אונ אחמסן הייסט אז ער בצאהלט פאר דיא זאך. נאר יענער וויל ניט פאר קויפין. אונ ער נעמט אוועק ביי אים דיא זאך מיט גיוואלד] אמענטש זאל זאגין צו וואס זאל איך גזלנ'ן אונ צו וואס זאל איך חמס'נען. מארגין וועלין קומען בית דין אונ וועלין צו נעמען ביי מיר דיא בעסטע פעלד מיינע: אונ זייא וועלין זיך פארלאזין אויף דעם פסוק וואס שטייט אין דיא תורה דיא בעסטע פעלד אונ דעם בעסטין וויין גארטין זאל ער בצאהלין:

ב ההוא: עס איז אמאהל גיוועזן אפוטרופוס [אפאטער איבער דעם פארמעגין פון פרעמדע יתומים] וואס ער האט גיוואוינט נאנט פון רבי מאיר: אונ דער אפוטרופוס פלעגט פאר קויפין דיא פעלדער פון דיא יתומים אונ פאר דעם געלט פלעגט ער קויפין קנעכט. האט רבי מאיר אים ניט גילאזין. האט מען דעם אפוטרופוס געוויזען אין חלום ער זאל זאגין צו רבי מאיר איך צו ווארף אונ דו באהסט. פון דעסטוועגין האט דער אפוטרופוס ניט געקוקט דארויף. ער האט גזאגט דיא רייד פון דיא חלומות מאכין ניט בעסער אונ ניט ערגער: עס זענען אמאהל גיוועזן צוויא מענטשין וואס דער שטן האט זיך מיט זייא גירייצט. אלע פרייטאג צוא נאכט פלעגט ער מאכין אקריג צווישען דיא ביידע מענטשין אונ זייא פלעגין זיך קריגען. אמאהל איז רבי מאיר גיקומען אין דיא שטאט אונ איז איינגישטאנען ביי דיא צוויא מענטשין: אונ ער האט דארט פארהאמט דרייא פרייטאג צו נאכטין. ביז ער האט גימאכט שלום צווישען זייא. האט רבי מאיר גיהערט וויא דער שטן האט גזאגט ווייא צו מיר רבי מאיר האט מיך ארויס געטריבען פון דער שטוב:

ג תנו רבנן. דיא רבנן האבען גילערונט אז איינער האט גיגזלת אבעלעק אונ האט אים איינגיבאהט אין זיין שטוב. דער נאך וויל דער גזלן תשובה טאהן אונ אוועק געבין וואס ער האט גיגזלת. בית שמאי זאגין ער זאל צו ווארפין דיא גאנצע שטוב אונ ער זאל אוועק געבין דעם בעלעק צום בעל הבית וואס ער האט פון אים גיגזלת: אונ בית הלל זאגין דער גזלן דארף נאר בצאהלין פאר דעם בעלעק. מען זאל וועלין תשובה טאהן. ווארום אז מען וועט זאגין מען דארף צו ווארפין דיא שטוב. אונ אוועק געבין דעם בעלעק. וועט אים זיין אשאד וועט ער גאר ניט וועלין תשובה טאהן:

ד משנה. לא. עס איז ניט גיוועזן דער דין סיקריקון אין יהודה. ווען מען האט גיהרגת

ה א"ר יוחנן מאי דכתיב (משלי כח) אשרי אדם מפחד תמיד ומקשה לבו וגו' **א**קמצא ובר קמצא חרוב ירושלים אתרנגולא ואתרנגולתא חרוב טור מלכא אשקא דריספק חרוב ביתר אקמצא ובר קמצא חרוב ירושלים דההוא גברא דרחמיה קמצא ובעל דבביה בר קמצא עבד סעודתא א"ל לשמעיה זיל אייתי לי קמצא אזל אייתי ליה בר קמצא אתא אשכחיה דהוה יתיב א"ל מכדי ההוא גברא בעל דבבא דההוא גברא הוא מאי בעית הכא קום פוק א"ל הואיל ואתאי שבקן ויהיבנא לך דמי מה דאכילנא ושתינא (דף-נו) א"ל לא [א"ל] יהיבנא לך דמי פלגא דסעודתיך א"ל לא [א"ל] יהיבנא לך דמי כולה סעודתיך א"ל לא נקטיה בידיה ואוקמיה ואפקיה אמר הואיל והוו יתבי רבנן ולא מיחו ביה ש"מ קא ניחא להו איזיל איכול [בהו] קורצא בי מלכא: **אזל** א"ל לקיסר מרדו בך יהודאי א"ל מי יימר א"ל שדר להו קורבנא חזית אי מקרבין ליה:

אזל

פירוש

שדה ונתן לו יהודי אחר בשביל שלא יהרגנו מקום קיים ואין בעל השדה יכול ליטלו מידו מטענת אניס יימר שגזלה היתה ביד הגולה דאגב אונסיה גמר ומקני דכיון שאמר ליה שא קרקע זו וכמינו אקניה נהליה בלב שלם):

מפחד. דואג לראות המולד שלא תארע תקלה בכך אם אעשה זאת: שקא דריספק. דופן של מרכבת נשים שקורין רייד"ש ובג"א בלשון אשכנז וסיה כעין עגלה כדאמרינן בהוהו וה"ה בנו כי מעיילת לי כודנייתא בריספק: קמצא ובר קמצא. כך שם שני יהודים: דרחמיה קמצא. אוהבו היה שמו קמצא: א"ל לא. שבקינא לך: א"ל. איהו יהיבנא לך דמי פלגא סעודתך: איכול קורצא. מלשינות: קורבנא. קרבן להקריב על גבי המזבח דקיימא לן אף איש לנבות את הנכרים שנודרים

אין דער מלחמה. אז אגוי האט גיוואלט הרגנן איודין. אונ דער יוד האט גזאגט צום גוי גאריר אפעלד אונ הרגה מיך ניט. דער נאך איז גיקומען איין אנדער יוד אונ האט גיקויפט דיא פעלד פון דעם גוי. מעג בלייבין דיא פעלד ביא דעם יוד וואס האט גיקויפט:

ה אמר. רבי יוחנן האט גזאגט עס שטייט אין פסוק וואהל צוא דעם מענטש וואס ער שרעקט אייביג. אונ אז ער טוהט עפעס אזאך בעטראכט ער פריער וואס פון דער זאך קען ארויס קומען. אונ דער וואס מאכט הארט זיין הארץ: ער זארגט ניט אויף וואס עס וועט זיין וועט ער אריין פאלין אין אשלעכץ. דורך קמצא אונ בר קמצא איז חרוב גיווארין ירושלים. דורך אהאן מיט אהון איז חרוב גיווארין טור מלכא: דורך אוואגנ פון אוואגין איז חרוב גיווארין דיא שטאט ביתר. דער ציילט דיא גמרא דורך קמצא אונ בר קמצא איז חרוב גיווארין ירושלים. וויא אזוי. עס איז גיוועזן אמענטש וואס זיין גוטער פריינד האט גיהייסן קמצא. אונ זיין שונא האט גיהייסן בר קמצא. דער מענטש האט גימאכט אסעודה. האט ער גזאגט צו זיין בעדינער גיי ברייננ צוא דער סעודה קמצא. איז גיגאנגען דער בעדינער אונ ער האט גיבראכט צו דער סעודה דעם בר קמצא. וויא דער בעל הבית איז אריין גיקומען האט ער גיטראפין בר קמצא זיצט ביא דער סעודה. האט דער בעל הבית גזאגט צו בר קמצא דו ביסט דאך מיינער אשונא וואס טוהסט דו דא. גיי ארויס. האט בר קמצא גזאגט וייל איך בין שוין גיקומען לאז מיך זיצען אונ איך וועל דיר בצאהלין פאר מיין עסין אונ טרינקען. האט דער בעל הבית גזאגט ניין. איך וועל דיך ניט לאזין דא זיצען: האט בר קמצא גזאגט אז דו וועסט מיך לאזין דא זיצען. וועל איך דיר געבין העלפט געלט וויא פיל די סעודה קאסט דיך. האט דער בעל הבית גזאגט ניין. איך וועל דיך ניט לאזין דא זיצען. האט בר קמצא גזאגט אויב דוא וועסט מיך לאזין דא זיצען: וועל איך דיר געבין געלט וויא פיל דיא גאנצע סעודה קאסט דיך: האט דער בעל הבית גזאגט ניין. אונ דער בעל הבית האט אן גינומען בר קמצא ביא דיא האנט אונ האט אים ארויס געפירט פון שטוב. האט בר קמצא גזאגט ווייל דא זענען גיזעסין דיא רבנן. אונ האבין ניט גישטערט דעם בעל הבית. איז דאך זייא ליב גיוועזן וואס מען האט מיך ארויס גיווארפין פון דער סעודה: וועל איך גיין צום מלך אונ וועל אויף זייא זאגן רכילות אונ וועל אויף זייא מסרין:

ו אזל. איז בר קמצא גיקומען צום קיסר אונ האט גזאגט צו אים דיא יודין האבען שוין גימרא פאר דיר אונ דו ביסט שוין ניט זייער קיסר: זאגט דער קיסר ווערט זאגט דאס אז עס איז

א ; שדר בידי׳ עגלא תלת׳ בהדי דקאתי שדי ביה מומא בניב שפתים ואמרי לה בדוקין שבעין דוכתא דלדידן הוה מומא ולדידהו לאו מומא הוא סבור רבנן לקרוביה משום שלום מלכות אמר להו רבי זכריה בן אבקילוס יאמרו בעלי מומין קריבין לגבי מזבח סבור למקטליה דלא ליזיל ולימא אמר להו ר׳ זכריה יאמרו מטיל מום בקדשים יהרג אמר ר׳ יוחנן ענותנותו של רבי זכריה בן אבקילוס החריבה את ביתנו ושרפה את היכלנו והגליתנו מארצנו ; שדר עליהו נירון קיסר כי קאתי שדא גירא למזרח אתא נפל בירושלים למערב אתא נפל בירושלים לארבע רוחות העולם אתא נפל בירושלים א״ל לינוקא פסוק לי פסוקיך א״ל (יחזקאל כה) ונתתי את נקמתי באדום ביד עמי ישראל וגו׳ אמר קודשא בריך הוא בעי לחרובי ביתיה ובעי לכפורי ידיה בההוא גברא ערק ואזיל ואיגייר ונפק מיניה רבי מאיר :

נדרים ונדבות מישראל : בניב שפתים. שפה העליונה : לדידהו לא הוי מומא. להקריב נגבוה בבמה דידהו אלא מחוסר אבר : בדוקין. מילא כמו בנוקה בדוק : יאמרו המטיל מום בקדשים יהרג. שיהיו סבורים שבשביל שהטיל מום בקדשים ועבר על מום לא יהיה בו מהרג : ענותנותו. סבלנותו שסבל את זה ולא הרגו : שדא גירא למזרח. לנסות קסם כשהיה סמוך לירושלים : הטוה יונקה הוה מגמגם בליבנים לי״ג : ביד עמי ישראל. על ידי עמי ישראל : לכפורי ידיה. לנקות ידיו : נקדם

ז שדריה עילוייהו לאכספסינוס קיסר אתא צר עלה תלת שני הוו בה הנהו תלתא עתירי . נקדימון בן גוריון . ובן כלבא שבוע . ובן ציצית הכסת . נקדימון

אזו. איך גלויב דיר ניט. האט בר קמצא געזאגט צום קיסר שיק צו זיי א קרבן העסטו זעהן אז זיא וועלין אים ניט מקריב זיין. האט דער קיסר געשיקט דורך בר קמצא א פעטע קאלב מען זאל איהר מקריב זיין פר א קרבן. ווי בר קמצא האט געפירט די קאלב. האט ער געמאכט א פעלער אין דיא אובערשטע ליפ פון די קאלב. אנדערע זאגין ער האט געמאכט א פעלער אין די ברעמען פון די אויגין. אין אזא ארט וואס ביי אונז איז דאס א פעלער. און ביי די גוים הייסט דאס ניט קיין פעלער. דיא רבנן האבען געוואלט מען זאל דיא קאלב מקריב זיין. מען זאל האבען שלום מיט דעם מלך. האט רבי זכריה בן אבקילוס געזאגט מען וועט זאגין מען מעג מקריב זיין א בהמה מיט א פעלער אויף דעם מזבח. האט מען געוואלט הרגנן דעם בר קמצא ער זאל ניט גיין זאגין צום קיסר אז מען האט ניט מקריב געוועזן זיין קרבן. האט רבי זכריה געזאגט מען וועט זאגין דער וואס מאכט א פעלער אין א קרבן זאל מען אים הרגנן. האט רבי יוחנן געזאגט וואס רבי זכריה בן אבקילוס האט ניט געלאזט הרגנן דעם בר קמצא דאס האט חרוב געמאכט דעם בית המקדש און עס האט פר ברענט דעם היכל און עס האט אונז פאר טריבען פון אונזער לאנד. דער קיסר פון רוים האט געשיקט אויף זייא דעם נירון קיסר. אז ער איז געקומען נאנט פון ירושלים. האט ער געווארפין א פייל אין מזרח זייט. איז דיא פייל געפאלען אין ירושלים. דער נאך האט ער געווארפין א פייל אין מערב זייט. איז דיא פייל געפאלען אין ירושלים. און ער האט געווארפען א פייל אין צפון זייט און אין דרום זייט און עס איז אלץ געפאלען אין ירושלים. נירון קיסר האט געזאגט צו א קינד זאג מיר דיין פסוק. האט דאס קינד געזאגט עס שטייט אין פסוק גאט האט געזאגט איך וועל געבין מיין נקמה אין אדום דורך מיין פאלק ישראל ; האט נירון קיסר געזאגט גאט וויל חרוב מאכען זיין הויז. דעם בית המקדש. און ער וויל אפ ווישען דיא הענט אן דעם מענטשין. אן מיך. דער נאך וועט גאט מיך שטראפין. איז ער אנטלאפין און האט זיך מגייר געוועזן. און פון אים איז געבארין רבי מאיר :

ז שדריה. האט דער קיסר פון רוים געשיקט אויף דיא יודין דעם אכספסיינוס קיסר. איז אכספסינוס געקומען און האט בעלאגערט אויף ירושלים דרייא יאהר. אין ירושלים זענען געוועזן דרייא רייכע מענטשין. איינער האט געהייסען נקדימון בן גוריון. דער אנדערער בן כלבא שבוע. דער דריטער בן ציצית הכסת. פאר וואס האט מען אים גירופען נקדימון בן גוריון ווייל דיא זוהן האט אויף געשיינט פון זיינעט וועגין וואו וויא עס שטייט אין מסכת תענית. פר

נקדימון בן גוריון . שנקדה לו חמה בעבורו . בן כלבא שבוע שכל הנכנס לביתו כשהוא רעב ככלב יוצא כשהוא שבע . בן ציצית הכסת שהיתה ציצתו נגררת על גבי כסתות א"ד שהיתה כסתו מוטלת בין גדולי רומי דד אמר להו אנא זייני להו בחטי ושערי וחד אמר להו בדחמרא ומלחא ומשחא . וחד אמר להו בדציבי . ושבחו רבנן לדציבי דרב חסדא כל אקלידי הוה מסר לשמעיה בר מדציבי דאמר רב חסדא אכלבא דחיטי בעי שתין אכלבי דציבי . הוה להו למיזן עשרים וחד שתא הוו בהו הנהו בריוני אמרי להו רבנן ניפוק ונעביד שלמא בהדייהו לא שבקינהו אמרי להו ניפוק ונעביד קרבא בהדייהו אמרי להו רבנן לא מסתייע מלתא קמו קלנהו להנהו אמברי דחטי ושערי והוה כפנא :

נקדה. נקבה לשון מקדים בצריך : נקדה לו חמה. זרחה בשבילו במסכת תענית : ציצתו. ציצית של טליתו : נגררת על גבי כרים וכסתות. שלא היה מהלך אלא על גבי מילת : וא"ד. בן ציצית שמו ולמה נקרא שמו הכסת שהיה כסתו כסא שלו מוטלת בין גדולי רומי כשהיה הולך ברומי להקביל פני קיסר : אי לא. לכך הלכה עתירי חטי ושערי וחמרא ומלחא וציבי למיזן כל בני העיר עשרים וחד שתא : (אקלידי. מפתחות : אכלבא. אוצר) : בריוני. אנשים רקים ופוחזים למלחמה : אמרי להו. רבנן להנך בריוני : לא מסתייעא מילתא. גמרא : קמו. בריוני : קלנהו להנך אמברי. לאוצרות התבואה והעצים כדי שילחמו :

סמידא. סלת : חיורתא. פת נקיה : גושקרא.

ח מרתא בת בייתוס עתירתא דירושלים הויא שדרתיה לשלוחה אמרה ליה זיל אייתי לי סמידא אדאזל איזדבן אתא אמר לה סמידא ליכא חיורתא איכא אמרה ליה זיל אייתי לי אדאזיל איזדבן אתא ואמר לה חיורתא ליכא גושקרא איכא אמרה ליה זיל אייתי לי אדאזל איזדבן אתא ואמר לה גושקרא ליכא

וואס האט מען אים גירופען בן כלבא שבוע . חייל ווער עס איז אריין גיגאנגען אין זיין שטוב הונגעריג וויא אהונט : איז ער ארויס גיגאנגען זאט . פאר וואס האט מען אים גירופען בן ציצית הכסת . ווייל זיינע ציצית האבען זיך גישלעפט אויף דיא זיידענע קאלדרעס וואס זענען גיווען אויס גישפרייט אויף דיא ערד אונ ער איז גיגאנגען אויף זייא . אנדערע זאגין ווייל זיין שטוהל אין רוים איז גיווען צווישען דיא גרעסטע מענטשין וואס אין רוים . איינער פון די דריי רייכע האט גיזאגט איך וועל שפייזין ירושלים מיט ווייץ אונ מיט גערשטין . דער אנדערער האט גזאגט איך וועל שפייזין ירושלים מיט וויין אונ מיט זאלץ אונ מיט בוימאייל . דער דריטער האט גזאגט איך וועל געבין האלץ פאר גאנץ ירושלים . אונ דיא רבנן האבען גילויבט דעם וואס האט צוא גזאגט האלץ צוא געבין . ווארום רב חסדא פלעגט אלע שליסלען געבין צוא זיין בעדינטען . נאר דעם שליסעל פון האלץ פלעגט ער אים ניט געבין . ווארום רב חסדא האט גזאגט אויף איין שפייכלער ווייץ דארף מען זעכציג שפייכלער האלץ . דיא דריי רייכע מענטשין האבען גיקענט שפייזין ירושלים איין אונ צוואנציג יאהר . עס איז אבער גיווען אין ירושלים שלעכטע מענטשין וואס האבען נאר גיוואלט מלחמה . די רבנן האבען גזאגט צוא דיא שלעכטע מענטשין מיר וועלין ארויס גיין מאכען שלום מיט זייא : האבען דיא שלעכטע מענטשין ניט גילאזין . האבען דיא שלעכטע מענטשין גזאגט צו די רבנן מיר וועלין ארוס גיין מאכען מיט זייא אמלחמה . האבען דיא רבנן גזאגט איר וועט ניט געווינען דיא מלחמה . זענען גיגאנגען דיא שלעכטע מענטשין אונ האבען פאר ברענט אלע אוצרות פון ווייץ אונ גערשטין איז גיווארין אהונגער :

ח מרתא דיא טאכטער פון בייתוס איז גיווען דיא רייכסטע פון ירושלים . האט זיא געשיקט איר בעדינטען אונ האט גזאגט צוא אים גייא ברייננ מיר פיינע מעהל . איידער ער איז גיגאנגען איז פארקויפט גיווארין . איז ער גיקומען צוא מרתא אונ האט גזאגט פיינע מעהל איז ניטא . ווייסע מעהל איז דא . האט מרתא גזאגט צום בעדינטען גיי ברייננ מיר דאס ווייסע מעהל . איידער ער איז גיגאנגען איז דיא ווייסע מעהל אויך פאר קויפט גיווארין . איז ער גיקומען צוא מרתא אונ האט גזאגט צו איר ווייסע מעהל איז שוין אויך ניטא : שווארצע מעהל איז דא . האט

ליבא קמהא דשערא איבא אמרה ליה זיל אייתי לי אדאזל איזדבן הות שליפא מסאנא אמרה איפוק ואחזי אי משכחנא מידי למיכל איתיב לה פרתא בכרעה ומתה קרי עלה ר' יוחנן בן זכאי (דברים כו) הרכה בך והענוגה וגו' איכא דאמרי גרוגרת דרבי צדוק אכלה ואיסטניסא ומתה דרבי צדוק יתיב ארבעין שנין בתעניתא דלא ליחרוב ירושלים כי הוה אכיל מידי הוה מתחזי מאבראי וכי הוה בא״י מייתי ליה גרוגרת מייץ מייהו ושדי להו כי הוה [קא] ניחא נפשה אפיקתה לכל דהבא וכספא שדיתיה בשוקא אמרה האי למאי מיבעיא לי היינו דכתיב (יחזקאל ז) כספם בחוצות ישליכו:

פת קיבר פאונדיי"ר : פרתא . פרש של גללי בהמה : ומיתה . מחמת איסטניסותא : גרוגרת. מאותה שנשארו לר' צדוק שמצץ את מימיה ומאותה היא ואכלתה לרעבונה ומרית החולי של רבי צדוק שנכנס בגרוגרת טעמה ומתה באסטניסות : הוה מתחזי . בגרונו : מאבראי . מחמת שהיה כחוש : כי הוה בארי . כשגמר תעניותיו ורצה להבריא עצמו : הוו מייתי ליה גרוגרת . תאנים יבשים מפני שלא היה יכול לבלוע דבר עבה והיה מוצץ את מימיהם ומשליך הגרוגרת :

אבא סיקרא . כך שמו : שלח ליה . ריב"ז תא לגבאי בצנעא : אמר ליה . ריב"ז : עד אימת עבדיתו הכי . דלא שבקתון לאשלומי : חזי לי תקנתא לדידי . שיניחוני לצאת מן העיר : נקוט נפשך בקצירי . החזק עצמך כחולה הולך קול באתה

אבא סיקרא ריש בריוני דירושלים בר אחתיה דרבי יוחנן בן זכאי הוה שלח ליה תא בצינעא לגבאי אתא א"ל עד אימת עבדיתו הכי וקטליתו ליה לעלמא בכפנא א"ל מאי אעביד דאי אמינא להו מידי קטלי לי א"ל חזי לי תקנתא לדידי דאיפוק אפשר דהוי הצלה פורתא אמר לו נקוט נפשך בקצירי וליתו כולי עלמא ולישיילו

מרתא גזאגט צום בעדינטען גיי ברייננ דיא שווארצע מעהל . איידער ער איז גיגאנגען איז דיא שווארצע מעהל אויך פאר קויפט גיווארין ; איז ער גיקומען צוא מרתא אונ האט גזאגט צו איר שווארצע מעהל איז אויך ניטא ; גערשטין מעהל איז דא . האט מרתא גזאגט צום בעדינטען גיי ברייננ מיר דיא גערשטין מעהל . איידער ער איז גיגאנגען איז דיא גערשטין מעהל אויך פאר קויפט גיווארין . זיא איז גיוועזן אוים גיטאהן דיא שיך האט זיא גזאגט איך וועל אליין גיין זעהן טאמער וועל איך געפינען עפעס צום עסין . האט זיך איר אן גיקלעבט אשטיקול בלאטע אויף דעם פוס . איז זיא גישטארבין . ווייל זיא איז גיוועזן גאנץ איידיל . האט רבי יוחנן בן זכאי אויף איר גילייענט דעם פסוק דיא איידעלע וואס אין דיר אונ דיא וואס האט גילעבט מיט פערגעניגען וועלין שטארבין פון צרות ; אנדערע זאגין דעם פייג פון רבי צדוק האט זיא גיגעסין . אונ ווייל זיא איז גיוועזן איידיל דריבער איז זיא גישטארבען . ווארום רבי צדוק האט גיפאסט פערציג יאהר ירושלים זאל ניט חרוב ווערין . אז ער פלעגט עפעס עסין פלעגט מען זעהן אוים וויניג וויא דאס עסין גייט אריין אין האלדז . דער נאך וויא ער האט אויף גיהערט צוא פאסטען אונ ער האט גיוואלט גיזונד ווערין . פלעגט מען אים בריינגען טרונקענע פייגין אונ ער פלעגט אוס ציהען דיא זאפט אונ דיא פייגין פלעגט ער אוועק ווארפען . אונ דיא מרתא האט גיפונען די אוועק גיווארפענע פייג אונ האט אויף גיגעסין . פון דעם איז זיא גישטארבין ; ווען מרתא איז גישטארבען האט זיא ארוים גינומען איהרע אלע גאלד אונ זילבער אונ הט גיווארפען אין גאס . אונ הט גזאגט צו וואס דארף איך דאס . דאס איז וואס עס שטייט אין פסוק זייער זילבער האבען זייא גיווארפען אין די גאסען :

מ אבא סקרא איז גיוועזן דער עלצטער פון דיא שלעכטע מענטשין וואס זענען גיוועזן אין ירושלים . אונ ער איז גיוועזן דער זוהן פון רבי יוחנן בן זכאים שוועסטער . האט רבי יוחנן געשיקט צו אבא סקרא קום צו מיר אין דער שטיל קיינער זאל ניט וויסען איז אבא סקרא גיקומען צו רבי יוחנן . האט רבי יוחנן גזאגט צו אבא סקרא ביז וויא לאנג וועט איר אזוי טאהן אונ איר וועט ניט לאזין מאכען שלום . אונ איר וועט הרגנן דיא וועלט מיט הונגער . האט אבא סקרא גזאגט וואס קען איך טאהן . אז איך וועל זייא עפעס זאגין וועלין זייא מיך אויך הרגנן . האט רבי יוחנן גזאגט צו אבא סקרא זעה מיר עפעס אהילף אז איך זאל קענען ארוים גיין פון שטאט . טאמער וועל איך עפעס העלפין ; האט אבא סקרא גזאגט צו

הולכ. לישיילו בך. כמו שאלה גוסס: ואייתי מידי סריא. דבר מסריח כגון נבלה: ואגני נבך. ושכב במטתך עמך שיאמרו מת הוא ומסריח הוא: ולעיילו בך תלמידך. יכנסו תחת רגלי מטתך ואלה ולא יניחו אחרים לשאת דאינון ידעין דהייא קליל ממיתא: בטו. ככך כרוזי: למדקריה. כמתחים שמא מעריס הוא: אמר להו. אמר סיקרא: יאמרו. כרומיים עליכם שדחפו רבן דקרו: למדחפיה. אולי יצעק: דלאו מלכא אנא. והשעלות כי: איכרא מלכא את. מלך הוא עתיד לגיות: והיה אדירו ממנו ומושלו מקרבו יצא. האמא לדיר הוא מושל: לבנון זה בית המקדש. שמלכין שמסיסם על ישראל: כרוך עליה. דבוק ולהוט

ולישיילו בך ואייתי מידי סריא ואגני גבך ולימרו דנח נפשיה וליעיילו בך תלמידך ולא ליעול בך איניש אחרינא דלא לירגשון בך דקליל את דאינהו ידעי דחייא קליל ממיתא עביד הכי נכנס בו ר' אליעזר מצד אחד ור' יהושע מצד אחד כי מטו לפתחא בעו למדקריה אמר להו יאמרו רבן דקרו בעו למדחפיה אמר להו יאמרו רבן דחפו פתחו ליה בבא נפק כי מטא להתם אמר שלמא עלך מלכא שלמא עלך מלכא אמר ליה מיחייבת תרי קטלי חדא דלאו מלכא אנא וקא קרית לי מלכא ותו אי מלכא אנא עד האידנא אמאי לא אתית לגבאי א"ל דקאמרת לאו מלכא אנא (ע"ב) איברא מלכא את דאי לאו מלכא את לא מימסרא ירושלים בידך דכתיב (ישעיה י) והלבנון באדיר יפול ואין אדיר אלא מלך דכתיב (ירמיה ל) והיה אדירו ממנו וגו' ואין לבנון אלא בית המקדש שנאמר (דברים ג) ההר הטוב הזה והלבנון ודקאמרת אי מלכא אנא אמאי לא קא אתית לגבאי עד האידנא בריוני דאית בן לא שבקינן אמר לו אילו חבית של דבש ודרקון כרוך עליה לא היו שוברין את החבית בשביל·

רבי יוחנן מאך דיך קראנק וועלין אלע קומען צו דיר מבקר חולה זיין, אונ מען זאל ברייננען אשטינקענדיגע זאך אונ מען זאל לייגען נעבין דיר: אונ מען זאל זאגין אז דו ביסט גישטארבין: אונ דיינע תלמידים זאלין אריין גיין צו דיר. טראגין דיך. ניט קיין אנדער מענטש. מען זאל ניט וועהן אז דוא ביסט גרינג: ווארום זייא ווייסין אז אלעבעדיגער איז גרינגער וויא אטויטער: האט רבי יוחנן אזוי גיטאהן וויא אבא סקרא האט אים געזאגט. אונ ער האט זיך גימאכט גישטארבין: איז אריין גיגאנגען אים צו טראגין. רבי אליעזר פון איין זייט. אונ רבי יהושע פון אנדערין זייט. ווי זייא זענען גיקומען צום טויער פון שטאט. האבען דיא שלעכטע מענטשין אים גיוואלט שטעכין. וויסען צו ער איז טאקי גישטארבין. האט אבא סקרא צו זייא געזאגט דיא רוימער וועלין זאגין אפילו זייער רבי האבען זייא גי טאכין. האבען דיא שלעכטע מענטשין אים גיוואלט אראפ שטויסין פון דער מטה: וויסען צו איז ער טאקי גישטארבין. האט אבא סקרא צו זייא געזאגט דיא רוימער וועלין זאגין אפילו זייער רבי האבען זייא אראפ גיווארפין פון דער מטה. האט מען געעפינט דעם טויער אונ מען האט אים ארויס גיטראגין. ווי רבי יוחנן איז גיקומען צו דיא רוימער האט ער. געזאגט צו אספסינוס פריד זאל זיין אויף דיר מלך. פריד זאל זיין אויף דיר מלך. האט אספסינוס געזאגט צו רבי יוחנן דו האסט פארשולדיגט מען זאל דיך הרגנן פאר צוויא זאכין. איין מאהל איך בין ניט קיין מלך אונ דו האסט מיך גירופין מלך. אונ דיא אנדערע זאך. אויב איך בין יא אמלך פאר וואס ביסטו ביז איצט ניט גיקומען צו מיר. האט רבי יוחנן געזאגט צו אספסינוס: וואס דו זאגסט איך בין ניט קיין מלך. דו ביסט יא אמלך. ווארום אז דו וואלסט ניט גיוועזן אמלך וואלט ירושלים ניט איבער געגעבין גיווארין אין דיין האנט. ווארום עס שטייט אין פסוק והלבנון באדיר יפול. דער לבנון וועט פאלין בייא אאדיר: אדיר מיינט מען אמלך. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק והיה אדירו ממנו. זיין מלך וועט זיין פון אים. אונ לבנון מיינט מען דעם בית המקדש. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ההר הטוב הזה והלבנון דער גוטער בארג אונ דער לבנון. אונ וואס דו האסט געזאגט אויב איך בין אמלך פאר וואס ביסטו ביז איצט ניט גיקומען צו מיר. דיא שלעכטע מענטשין וואס זענען צווישען אונז האבען מיך ניט גילאזין. האט אספסינוס געזאגט צוא רבי יוחנן ווען איינער האט אפאס האניג אונ אשלאנג וויל זיך פאר וויקלען ארום דיא פאס. וואלט מען ניט צו

בשביל דרקון אישתיק קרי עליה רב יוסף ואיתימא ר' עקיבא (ישעיה מד) משיב חכמים אחור ודעתם יסכל איבעי למימר ליה שקלינן צבתא ושקלינן ליה לדרקון וקטלינן ליה וחביתא שבקינן לה אדדכי אתא פריסתקא עליה מרומי א"ל קום דמית ליה קיסר ואמרי הנהו חשיבי דרומי לאותיבך ברישא הוה מסיים חד מסאנא בעי למסיימא לאחרינא לא עייל בעא למשלפיה לאידך לא נפק אמר מאי האי א"ל לא תצטער שמועה טובה אתיא לך דכתיב (משלי טו) ושמועה טובה תדשן עצם אלא מאי תקנתיה ליתי איניש דלא מיתבא דעתך מיניה ולחליף קמך דכתיב (שם יז) ורוח נכאה תיבש גרם עבד הכי עייל א"ל ומאחר דחכמיתו כולי האי עד האידנא אמאי לא אתית לגבאי א"ל ולא אמרי לך א"ל אנא נמי אמרי לך א"ל מיזל אזלינא ואינש אחרינא משדרנא אלא בעי מינאי [מידי] ואתן לך א"ל תן לי יבנה וחכמיה ושושילתא דרבן גמליאל ואסוותא דמסיין ליה לר' צדוק קרי עליה רב יוסף ואיתימא ר' עקיבא (ישעיה מד) משיב חכמים אחור ודעתם יסכל איבעי

אתריה: אין מוכרין את התבית. כדי שילך לו הדרקון כך היה לכם להמתית ולהוציא הצואר ולשרפס באש כדי להשליך אותם בריוני מתוכה: והביתא שבקינן לה. כך היינו מלפים אולי נוכל להם ולהוציאם ממנה והיה העיר קיימת ונצלים עמך: פריסתקא. שליח: לא נפיק. שנתדשנו אבריו משמחת השמועה: ורוח נכאה תיבש גרם. כאשר תכאה רוחך מחמת השנאה תיבש העצם שלך: תן לי יבנה. שלא תחריבנה ולא תהרוג חכמיה: ושושילתא דר"ג. משפחת הנשיא שלא תהרגם שלא תכלה מלכות בית דוד: ואסוותא. רופאים תן לי מתמשיך שירפאו את ר' צדוק שלא היה יכול לבלוע אוכל לפי שנתקלקלו מעיו בתעניותיו:
והוא

בראכן דיא פאס וועגן דעם שלאנג ער זאל אוועק גיין. אזוי האט איר גידארפט צו ברעכן דיא מאהער אונ ארויס ווארפין דיא שלעכטע מענטשין פון שטאט. האט רבי יוחנן געשוויגען. ער האט ניט גיוואכט צו ענפערין. האט רב יוסף אונ אנדערע זאגין רבי עקיבא האט גיליייענט אויף איהם דעם פסוק גאט קערט צוריק דיא חכמים אויף אינטער אונ ער פאר נארעשט זייער שכל רבי יוחנן האט איהם גידארפט ענפערין מען נעמט אצוואנג אונ מען נעמט אראפ דעם שלאנג אונ מען הרגת איהם אונ דיא פאס לאזט מען גאנץ. האבען מיר אויך גימיינט אזוי טאמער וועלין מיר אונז קענען שטארקין אויף דיא שלעכטע מענטשין. אונ דיא שטאט זאל בלייבין אין גאנצין. וועלין מיר מאכין שלום מיט דיר. דער ווייל איז גיקומען א שליח פון רוים אונ האט גזאגט צו אספסינוס דער קיסר איז גישטארבין. האבען דיא גרויסע לייט פון רוים גזאגט דו זאלסט זיין א קיסר. אספסינוס איז דאמאלס גיגאנגען אין איין שוך. האט ער גיוואלט אן טאהן דעם אנדערין שוך. איז דיא פוס ניט אריין גיגאנגען אין דעם שוך. האט ער גיוואלט אראפ ציהען דעם אנדערין שוך פון פוס. איז ער ניט אראפ גיגאנגען. האט אספסינוס גזאגט וואס קען דאס זיין. האט רבי יוחנן גזאגט דו זאלסט פון דעם קיין צער ניט האבען עס איז צו דיר גיקומען א גוטע הערונג. דו האסט גיהערט א גוטע זאך. אונ עס שטייט אין פסוק א גוטע הערונג מאכט פעט דעם ביין. האט אספסינוס גיפרעגט וואס זאל מען טאהן. האט רבי יוחנן גיזאגט מען זאל ברייגגען א מענטש וואס דוא האסט איהם פיינט. אונ ער זאל פאר ביי גיין פאר דיר וועסטו טרויריג ווערין. אונ עס שטייט אין פסוק דאס טרויריגע הארץ מאכט טרוקען דעם ביין. האט מען אזוי גיטאהן איז אריין גיגאנגען דער פוס אין שוך. האט אספסינוס גזאגט צו רבי יוחנן אז איר זענט אזוי קלוג פאר וואס ביסטו ביז איצט ניט גיקומען צוא מיר. האט רבי יוחנן גיזאגט צו אספסינוס איך האב דאך דיר שוין גזאגט. האט אספסינוס גיזאגט צוא רבי יוחנן איך האב דאך דיר אויך גיזאגט. האט אספסינוס גיזאגט צוא רבי יוחנן איך גיי אוועק פון ירושלים. איך וועל אהער שיקען איין אנדער מענטש. נאר בעט פון מיר עפעס וועל איך דיר געבין. האט רבי יוחנן גיזאגט צוא אספסינוס גיב מיר דיא שטאט יבנה. דוא זאלסט איר ניט חרוב מאכין. אונ דיא חכמים וואס אין יבנה זאלסטו ניט הרגנען. אונ דיא גאנצע משפחה פון רבן גמליאל זאלסט דוא אויך גיט הרגענען. אונ דוא זאלסט מיר געבין פון דיינע דאקטוירים זייא זאלין היילין דעם רבי צדוק. האט רב יוסף אונ אנדערע זאגין רבי עקיבא האט גיליייענט אויף איהם דעם פסוק גאט קערט צוריק דיא חכמים

אויף

למימר ליה לשבקינהו הדא זימנא והוא סבר דלמא כולי האי לא עביד והצלה פורתא נמי לא הוי:
י אסוותא דמסיין ליה לר' צדוק מאי ה"א יומא קמא אשקוהו מיא דפארי למחר מיא דסיפוקא למחר מיא דקמחא עד דרווח מעיה פורתא:
יא אזל שדריה לטיטוס הרשע ואמר (דברים לב) אי אלהימו צור חסיו בו זה טיטוס הרשע שחירף וגידף כלפי מעלה מה עשה תפש זונה בידו ונכנס לבית קדשי הקדשים והציע ספר תורה ועבר עליה עבירה ונטל סייף וגידר את הפרוכת ונעשה נס והיה דם מבצבץ ויוצא וקסבר הרג את עצמו שנאמר (תהלים עד) שאגו צורריך בקרב מועדיך שמו אותותם אותות אבא חנן אומר (שם פט) מי כמוך חסין יה מי כמוך חסון וקשה שאתה שומע ניאוצו וגידופו של אותו רשע ושותק דבי ר' ישמעאל תנא (שמות טו) מי כמוך באלים ה' מי כמוך באלמים מה עשה נטל את הפרוכת ועשאו כמין גרגותני והביא כל הכלים שבמקדש והניחן בהן והושיבן בספינה לילך ולהשתבח בעירו שנאמר (קהלת ח) ובכן ראיתי רשעים קבורים ובאו וממקום קדוש יהלכו וישתכחו בעיר אשר כן עשו אל תקרי קבורים אלא קבוצים אל תקרי וישתכחו אלא וישתבחו

והוא סבר. ר' יוחנן: כולי האי. דלישבק לירושלים לא עביד לי והצלה דאפילו הצלה פורתא לא עבד הלכך בעינא מיניה הא דתיהוי הצלה פורתא: מיא דפארי. מים שנישורו בהם סובין: מיא דסיפוקא. סובין גסין וקמח מעורב בהן: שאגו צורריך בקרב מועדיך. בבית שהשם מתוועד בו: שמו אותותם אותות. אמרו בסימניהן סימן דם זה של מי הוא אם לא שהרגנו את עצמו: [עצמו]. כינוי כלפי מעלה: חסין. מתאפק: כמין גרגותני. סל גדול שנותנין בו יין מגת לבור וקורין קולדויי"ר: וישתכחו בעיר אשר כן עשו.

אויף אינטער אונ ער פאר נארעשט זייער שכל. רבי יוחנן האט גידארפט בעטין בייא אספסינוס ער זאל אפ לאזין דאס מאהל. ער זאל ניט חרוב מאכין ירושלים. אונ רבי יוחנן האט גיטראכט טאמער אזוי פיל וועט אספסינוס ניט וועלין טאהן: וועט ער דער נאך אויף אביסל אויך ניט קענגען בעטין:

י אסוותא: דיא דאקטורים וואס האבין גיהיילט רבי צדוק. מיט וואס האט מען אים גיהיילט. דעם ערשטין טאג האט מען אים גיגעבין טרינקען וואסער וואס אין זייא האט זיך גיווייקט קלייען. אויף מארגין האט מען אים גיגעבין טרינקען וואסער וואס אין זייא האט זיך גיווייקט גראבע קלייען געמישט מיט מעהל. אויף מארגין האט מען אים גיגעבין טרינקען וואסער געמישט מיט פראסטע מעהל. ביז זיינע גידערים זענען ביסלאכווייז ברייטער גיווארין:

יא אזל. איז אספסינוס אוועק גיגאנגען אין רוים אונ האט געשיקט דעם טיטוס הרשע. אונ טיטוס האט גזאגט אויף דיא יודין אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ווא איז זיין גאט: ווא איז דער שטארקער גאט וואס דיא יודין האבין זיך בשיצט אויף אים. אונ ער האט גילעסטערט געגין גאט. וואס האט טיטוס גיטאהן. ער האט גינומען אזונה אונ איז מיט איר אריין גיגאנגען אין קדשי קדשים: אונ ער האט אויס גישפרייט אספר תורה. אונ ער האט אויף איהר מזנה גיוועזן. אונ ער האט גינומען אשווערד אונ האט גישטאכין אין דעם פרוכת. איז גיווארין אנס אונ עס איז ארויס גיגאנגען בלוט פון פרוכת. האט ער גימיינט ער האט גיהרגת גאט. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דיינע בליידיגער האבין געשריגען אין דיין בית המקדש. זייא האבין גזאגט אז זייערע צייכין זענען אמתי צייכינס. אבא חנן זאגט דעם פסוק ווער איז נאך אזוי שטארק וויא דו. דו הערסט דיא לעסטערונג פון דעם רשע אונ דו שווייגסט. דבי רבי ישמעאל האבין גילערונט עס שטייט אין פסוק מי כמוך באלים ה'. ווער קען נאך אזוי שווייגין וויא דו קענסט. וואס האט טיטוס גיטאהן. ער האט גינומען דעם פרוכת אונ האט אים גימאכט אזוי וויא אזאק. אונ ער האט גיבראכט אלע כלים פון בית המקדש אונ האט זייא ארייין גילייגט אין דעם זאק וואס ער האט גימאכט פון דעם פרוכת. אונ אין נאך אנדערע זעק אונ האט זייא אריין גילייגט אין אשיף: ער זאל גיין זיך בערימען אין זיין שטאט וואס פאר אשיינע כלים אונ גרויס רייכקייט וואס ער האט גיבראכט. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק איך האב גיזעהן

וישתבחו א"ר קבורים ממש דאפילו מילי דמיטמרי אגליין ליה. עמד עליו נחשול שבים לטבעי אמר כמדומה אני שאלהיהם של אלו אין גבורתו אלא במים בא פרעה טבעו במים בא סיסרא טבעו במים אף הוא עומד עלי לטובעני במים אם גבור הוא יעלה ליבשה ויעשה עמי מלחמה יצתה בת קול ואמרה [לו] רשע בן רשע בן בנו של עשו הרשע בריה קלה יש לי בעולמי ויתוש שמה אמאי קרי לה בריה קלה דמעיילנא אית לה ומפקנא לית לה עלה ליבשה ותעשה עמה מלחמה עלה ליבשה בא יתוש ונכנס בחוטמו ונקר במוחו שבעה שנים יומא חד הוה קא חליף אבבא דבי נפחא שמע קול ארזפתא אישתיק אמר איכא תקנתא בכל יומא מייתו נפחא ומחו קמיה לעכו"ם יהיב ליה ד' זוזי לישראל א"ל מסתייך דקא חזית בסנאך עד תלתין יומין עביד הכי מכאן ואילך כיון דדש דש. תניא א"ר פנחס בן עריבא אני הייתי בין גדולי רומי וכשמת פצעו את מוחו ומצאו בו כצפור דרור משקל ב' סלעים. במתניתא תנא כגוזל בן שנה משקל ב' לטרין אמר אביי נקטינן פיו של נחושת וצפרניו של ברזל

שנמרה אלא שאינה נאה: מילי דמישתמרי. ניטמן ממונם של ישראל: נחשול. רוח סערה: סיסרא. נחל קישון גרפם: מעיילנא. פה להכניס מאכל: מפקנא. מוצא דקן בית הרעי: ארזפתא. קורנס: אשתיק. שותק יתוש מלנקר מפני קול הקורנס: כיון דדש דש. משהרגיל היתוש ולמד בקול הקורנס הכיר בה ולא הגיה ניקורו: צפור דרור. ארונדיל"א:

רְשָׁעִים קְבוּרִים וּבָאוּ וּמִמְּקוֹם קָדוֹשׁ יְהַלֵּכוּ וַיִשְׁתַּכְּחוּ בָעִיר אֲשֶׁר כֵּן עָשׂוּ. זָאלְסְט נִיט לֵייעֶנֶען קְבוּרִים נָאר קְבוּצִים אוּנ זָאלְסְט נִיט לֵייעֶנֶען וַיִשְׁתַּכְּחוּ נָאר וַיִשְׁתַּבְּחוּ. זָאגְט דֶער פָּסוּק אִיךְ הָאבּ גִיזֶעהְן רְשָׁעִים זֶענֶען פַארְזַאמוּלְט אוּנ קוּמֶען אוּנ זֵייא גֵייעֶן פוּן אַהֵיילִיגֶען אָרְט אוּנ זֵייא בֶּערִיטֶען זִיךְ אִין שְׁטָאט אַז זֵייא הָאבִּין אַזוֹי גִיטָאהן. אַנְדֶערֶע זָאגִין מֶען זָאל לֵייעֶנֶען אִין פָּסוּק קְבוּרִים. בַּגְרָאבִּין. וָוארוּם אַלֶע בַּגְרָאבֶּענֶע אוּנ בַּהַאלְטֶענֶע זַאכִין זֶענֶען בֶּעוִויזֶען גִיוָוארִין צוּא טִיטוּס. וְהִיא טִיטוּס אִיז גִיפָארִין אוֹיף דִיא שִׁיף מִיט דִיא כֵּלִים פוּן בֵּית הַמִקְדָשׁ. אִיז אוֹיף גִישְׁטַאנֶען אוֹיף אִים אַוַואל וַואסֶער פוּן יַם אוּנ הָאט אִים גִיוָואלְט דֶער טְרִינְקֶען. הָאט טִיטוּס גִזָאגְט מִיר דוּכְט אַז דֶער גָאט פוּן יוּדִין הָאט נִיט מֶער שְׁטַארְקַייט נָאר מִיט וַואסֶער. אִיז גִיקוּמֶען פַּרְעֹה הָאט עֶר אִים דֶער טְרוּנְקִין אִין וַואסֶער. אִיז גִיקוּמֶען סִיסְרָא הָאט עֶר אִים דֶער טְרוּנְקִין אִין וַואסֶער. מִיךְ וִויל עֶר אוֹיךְ דֶער טְרֵייֶנְקִין אִין וַואסֶער. אוֹיבּ עֶר אִיז שְׁטַארְק זָאל עֶר גֵיין אוֹיף דִיא טְרִיקֶענֶעשׁ אוּנ זָאל מַאכֶען מִיט מִיר אַמִלְחָמָה. אִיז אַרוֹיס גִיגַאנְגֶען אַקוֹל פוּן הִימֶעל אוּנ הָאט גִזָאגְט צוּ טִיטוּס. דוּא בִּיסְט אַרָשָׁע אוּנ דַיין פָאטֶער אִיז אַרָשָׁע אוּנ דוּא בִּיסְט אַאֵיינִיקוֹל פוּן עֵשָׂו הָרָשָׁע אִיךְ הָאבּ אוֹיף מַיין וֶועלְט אַגְרִינְגֶע בַּשֶׁעפֶענִישׁ אַקְלֵיינֶע. אִיר נָאמֶען אִיז יַתּוּשׁ: פַאר וָואס רוּפְט מֶען אִיר אַגְרִינְגֶע בַּשֶׁעפֶענִישׁ. אַמוֹיל צוּם עֶסִין הָט זִיא אוּנ דָאס עֶסִין גֵייט נִיט אַרוֹיס פוּן אִיר. דוּא טִיטוּס גֵייא אַרוֹיף אוֹיף דִיא טְרִיקֶענֶעשׁ אוּנ מַאךְ אַמִלְחָמָה מִיט דֶעם יַתּוּשׁ. אִיז טִיטוּס אַרוֹיף גִיגַאנְגֶען אוֹיף דִיא טְרִיקֶענֶעשׁ. אִיז גִיקוּמֶען דֶער יַתּוּשׁ אוּנ אִיז אַרַיין גִיגַאנְגֶען אִין זַיין נָאז: אוּנ הָאט אִים גֶעפִּיקְט אִין מוֹחַ זִיבֶּען יָאהר. אַמָאהל אִיז טִיטוּס גִיגַאנְגֶען פַאר דִיא טִיר פוּן אַשְׁמִיד וַואקַאוַואלְ. הָאט דֶער יַתּוּשׁ דֶער הֶערְט דֶעם קוֹל פוּן דֶעם הַאמֶער. אִיז עֶר שְׁטִיל גִיוָוארִין. הָאט טִיטוּס גִזָאגְט עֶס אִיז דָא אַתִּיקוּן: אַלֶע טָאג הָאט מֶען גִיבְּרַאכְט אַשְׁמִיד וַואקַאוַואלְ. אוּנ עֶר הָאט גִיקְלַאפְּט מִיט דֶעם הַאמֶער נֶעבִּין טִיטוּס: אַגוֹיִשֶׁען שְׁמִיד הָאט טִיטוּס גִיצָאהְלְט פִיר גִילְדִין אַטָאג. צוּ אַיוּדִישֶׁען שְׁמִיד הָט טִיטוּס נִיט גִיצָאהְלְט: עֶר הָאט גִזָאגְט צוּם יוּדִין גֶענוּג פַאר דִיר וָואס דוּא זֶעהְסְט דִיא צָרוֹת פוּן דַיין שׂוֹנֵא. בִּיז דְרַייסִיג טֶעג הָאט טִיטוּס אַזוֹי גִיטָאהְן. עֶר הָאט גִירוּפֶען שְׁמִידֶען זֵייא זָאלִין פַאר אִים קְלַאפֶּען מִיט דִיא הַאמֶערְס. אוּנ דֶער יַתּוּשׁ פְלֶעגְט שְׁטִיל וֶוערִין. נָאךְ דְרַייסִיג טֶעג אִיז דֶער יַתּוּשׁ גִיוְואוֹהְנְט גִיוָוארִין מִיט דֶעם קְלַאפִּין. פְלֶעגִין דִיא הַאמֶערְס קְלַאפִּין אוּנ עֶר פְלֶעגְט אוֹיךְ פִּיקֶען. מִיר הָאבֶּען גִילֶערְנְט רַבִּי פִּינְחָס בֶּן עֲרִיבָא הָאט גִזָאגְט אִיךְ בִּין גִיוֶוען צְוִוישֶׁען דִיא גְרֶעסְטֶע פוּן רוֹים. אוּנ אַז טִיטוּס אִיז גִישְׁטָארְבִּין הָאט מֶען צוּא שְׁפָּאלְטִין זַיין מוֹחַ אוּנ

ברזל בי הוה קא מיית אמר להו לקליוה לההוא גברא ולבדרו לקטמיה אשב ימי דלא לשכחי' אלהא דיהודאי ולוקמיה בדינא:

יב אונקלוס בר קלוניקוס בר אחתיה דטיטוס הוה בעי לאגיורי אזל אסקיה לטיטוס בנגידא

נגידא. לשון נמלא דפסיק לגפסיס. מיקלי וכדורי קיטמא: טור מלכא. מדינה שממה הר המלך: נפלו. כמו סנדליה: יהודים עלייהו דרומאי: מתוכנא. סמס: גונדא. גדוד: סוס נכו. ביהודים: ליזוקור

אמר ליה מאן חשיב בההוא עלמא א"ל ישראל מהו לאדבוקי בהו א"ל מילייהו נפישין ולא מצית לקיומינהו זיל איגרי בהו בהאי עלמא והוית רישא דכתיב (איכה א) היו צריה לראש אויביה שלו וגו' כל המיצר לישראל נעשה ראש א"ל דיניה דההוא גברא במאי א"ל (דף נו) במאי דפסק אנפשיה כל יומא מכנשי ליה לקטמיה ודייני ליה וקלו ליה ומבדר אשב ימי אזל אסקיה לבלעם בנגידא אמר ליה מאן חשיב בההוא עלמא א"ל ישראל מהו לאדבוקי בהו א"ל (דברים כג) לא תדרוש שלומם וטובתם כל הימים. תניא אמר רבי אלעזר בוא וראה כמה גדולה כחה של בושה שהרי סייע הקב"ה את בר קמצא והחריב את ביתו ושרף את היכלו:

יג אתרנגולא ואתרנגולתא חרב טור מלכא דהוו נהיגי כי הוו מפקי חתנא וכלתא מפקי קמייהו תרנגולא ותרנגולתא כלומר פרו ורבו כתרנגולים יומא חד הוה קא חליף גונדא דרומאי שקלינהו מנייהו נפלו עלייהו מחונהו אתו אמרו ליה לקיסר

מֶען הָאט גִיפוּנֶען אִינְוֶוייניג אַיְתּוּשׁ גְרוֹים וְויא אַוואלְד פוֹיגִיל. עֶר הָאט גְיוואוּין צְוֵויא טָאלֶער. אִין אַבְרַייתָא הָאבֶּען מִיר גִילֶערוּנְט דֶער יַתּוּשׁ אִיז גִיוֶוען גְרוֹים וויא אַטוּיב וָואס אִיז אַלְט אַיָאהר. עֶר הָאט גְיוואוּגִין צְוֵויי פוּנְט. אַבַּיֵי זָאגְט מִיר הָאבֶּען גִילֶערוּנְט דִיא מוֹיל פוּן דֶעם יַתּוּשׁ אִיז גִיוֶועְן קוּפֶּער. זַיינֶע נֶעגִיל אִיז גִיוֶוען אַייזִין. אַז טִיטוּס אִיז גִישְׁטָארְבִּין הָאט עֶר גִזָאגְט צוּא זַיינֶע מֶענְטְשִׁין מֶען זָאל אִים פַאר בְּרֶענֶען אוּנ מֶען זָאל פַאר שְׁפְּרֵייטֶען זַיינֶע אַשׁ אוֹיף זִיבֶּען יַמִים. דֶער גָאט פוּן דִיא יוּדִין זָאל אִים נִישְׁט קֶענֶען גֶעפִינֶען צוּא שְׁטֶעלִין אִים צוּם מִשְׁפָּט:

יב אוּנְקְלוֹס דֶער זוּהְן פוּן קְלוֹנִיקוֹס דֶער זוּהְן פוּן טִיטוּס אַשְׁוֶועסְטֶער. הָט זִיךְ גִיוָואלְט מְגַייֵר זַיין. אִיז אוּנְקְלוֹס גִיגַאנְגֶען אוּנ הָאט מִיט כִּישׁוּף אוֹיף גִיבְּרַאכְט זַיין פֶעטֶער טִיטוּס. הָט אוּנְקְלוֹס גִזָאגְט צוּ טִיטוּס וֶוער אִיז גְרוֹיס אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט. הָאט טִיטוּס גְזָאגְט דִיא יוּדִין. הָאט אוּנְקְלוֹס גִיפְרֶעגְט בַּיי טִיטוּס זָאל אִיךְ מִיךְ בַּהֶעפְטִין צוּא דִיא יוּדִין. הָאט טִיטוּס גְזָאגְט זֵייא הָאבֶּען פִיל דִינִים דוּא וֶועסְט זֵייא נִיט קֶענֶען מְקַיֵים זַיין. גֵייא רַייץ דִיךְ מִיט דִיא יוּדִין אוֹיף דֶער וֶועלְט. אוּנ טוּה זֵייא שְׁלֶעכְטֶס וֶועסְטוּ גְרוֹיס וֶוערִין. אַזוֹ וְויא עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק הָיוּ צָרֶיהָ לְרֹאשׁ אוֹיְבֶיהָ שָׁלוּ. דֶער וָואס הָאט מְצַעֵר גִיוֶועְן יוּדִין אִיז גִיוָוארִין אַעֶלְצְטֶער. אוּנ וֶוער עֶס הָט פַיינְט גִיהַאט יוּדִין אִיז גִיוֶועזִין רוּהִיג אוּנ פְרֵייליךְ. הָאט אוּנְקְלוֹס גְזָאגְט צוּ טִיטוּס מִיט וָואס מְשַׁפְּט מֶען דִיךְ. הָאט טִיטוּס גְזָאגְט אַזוֹ וְויא אִיךְ הָאב אוֹיף מִיר גִיפַּסְקְנ'ט. אַלֶע טָאג גֶעמְט מֶען צוּא זַאמֶען מַיינֶע אַשׁ. אוּנ מֶען מַאכְט מִיךְ צוּרִיק פַאר אַמֶענְטְשׁ. אוּנ מֶען מְשַׁפְּט מִיךְ אוּנ מֶען פַאר בְּרֶענְט מִיךְ אוּנ מֶען פַאר שְׁפְּרֵייט מַיינֶע אַשׁ אוֹיף זִיבֶּען יַמִים. דֶער נָאךְ אִיז גִיגַאנְגֶען אוּנְקְלוֹס אוּנ הָאט אוֹיף גִיבְּרַאכְט בִּלְעָם מִיט כִּישׁוּף: הָאט אוּנְקְלוֹס גְזָאגְט צוּא בִּלְעָם וֶוער אִיז גְרוֹיס אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט. הָאט בִּלְעָם גְזָאגְט דִיא יוּדִין. הָאט אוּנְקְלוֹס גִיפְרֶעגְט בַּייא בִּלְעָם זָאל אִיךְ מִיךְ בַּהֶעפְטִין מִיט דִיא יוּדִין. הָאט בִּלְעָם גְזָאגְט צוּא אוּנְקְלוֹס דוּא זָאלְסְט קֵיין מָאהל נִיט פָאדֶערְשְׁטִין זֵייעֶר פְרִידֶען אוּנ נִיט זֵייעֶר גוּטְ. מִיר הָאבֶּען גִילֶערוּנְט רַבִּי אֶלְעָזָר הָאט גְזָאגְט קוּם זֶעה וְויא גְרוֹיס אִיז דִיא עֲבֵירָה אַז מֶען פַאר שֶׁעמְט אַמֶענְטְשִׁין וָוארוּם גָאט הָט גִיהָאלְפִין דֶעם בַּר קַמְצָא עֶר זָאל חָרֵב מַאכְען זַיין שְׁטוּב אוּנ זָאל פַאר בְּרֶענֶען זַיין הֵיכָל:

יג אַתַּרְנְגוֹלָא. וֶועגִין אַהאָן אוּנ אַהוּן אִיז חָרוּב גִיוָוארִין טוּר מַלְכָּא. וְויא אַזוֹי. עֶס אִיז בַּייא זֵייא גִיוֶועְן אַמִנְהָג אַז מֶען פְלֶעגְט פִירֶען אַחָתָן מִיט אַכַּלָה צוּ דֶער חוּפָּה. פְלֶעגְט מֶען טְרָאגִין

לקיסר מרדו בך יהודאי אתא עליהו הוה בהו ההוא בר דרומא דהוה קפיץ מילא וקטיל בהו שקליה קיסר לתאגיה ואותביה אארעא אמר רבוניה דעלמא כולה אי ניחא לך לא תמסריה לההוא גברא לדידיה ולמלכותיה בידיה דהד גברא אכשליה פומא לבר דרומא ואמר (תהלים ס) הלא אתה אלהים זנחתנו ולא תצא אלהים בצבאותינו דוד נמי אמר הכי דוד אתמוהי קא מתמה על לבית הכסא אתא דרקונא שמטא לכרכשיה ונח נפשיה אמר הואיל ואתרחיש לי ניסא הא מנא אשבקינהו שבקינהו ואזל אזדקור ואכלו ושתו ואדליקו שרגי עד דאתחזי בליוני דגושפנקא בר הוק מילא אמר מיהדי קא חדו בי יהודאי הדר אתא עליהו א"ר אסי תלת מאה אלפי שליפי סייפא עלו לטור מלכא וקטלו בה תלתא יומין ותלתא לילותא ובהך גיסא הלולי ותנגי ולא הוו ידעי הני בהני :

אזדקור. לשמים: עד דאתחזי. עד כי נתראו בליוני דגושפנקא. מי שסימה לו מלך בטבעתו סימן מבירם להוק מיל מן העיר כמנהג המלכות :

(מיכה ב) **יד בלע** ה' ולא חמל את כל נאות יעקב כי אתא רבין א"ר יוחנן אלו ששים רבוא

פר זייא אַהאַן מיט אַהוּן. פאר אַסימָן זייא זאָלין זיך פּרוֹכְטבּאַרין אוּנ מערין אַזוֹ ווי די הינער. אַמָאהל איז פר בּיי גינאַנגען אַחַיל פוּן רוּים. האָבען די חַיל אַוועק גינומען פוּן זיי דעם האָן מיט די הוּן. זעגען די יוּדין גיפּאַלען אויף דעם חַיל אוּנ האָבען זייא גישלאָגען. איז דער חַיל גיקומען צוּם קיסר אין רוּים אוּנ האָבען גזאָגט צוּ אים די יוּדין ווילען דיך נִיט פאר אַקֵיסר. איז דער קיסר פוּן רוּים גיקומען אויף זיי: עס איז גיוועזען ביי די יוּדין איינער. ער האָט גיהייסען בר דרוֹמא. ער פלעגט טאָהן אַשפּרוּנג וויט צוויי טויזענד איילין. אוּנ ער האָט גיהרגת פוּן די רוימער. האָט דער קיסר אַראָפּ גינוּמען זיין קרוין פוּן ק׳פ. אוּנ האָט זיא גילייגט אויף די ערד. אוּנ ער האָט גיזאָגט צוּ גאָט דוּא בּיסט דער האר פוּן דיא גאַנצע וועלט: אויב דיר איז ליב זאָלסטוּ ניט געבין זיך מיט מיין קעניגרייך אין דיא האַנט פוּן דעם איין מענטשין. האָט דעם בר דרוֹמא גישטרוֹכלט זיין מויל אוּנ ער האָט גזאָגט צוּ גאָט דעם פסוק הלא אַתָּה אֱלֹהִים זְנַחְתָּנוּ וְלֹא תֵצֵא אֱלֹהִים בְּצִבְאוֹתֵינוּ. פרעגט די גמרא דוד האָט דאָך אויך גזאָגט דעם פסוק. ענטפערט די גמרא דוד האָט זיך גיוואוּנדערט. גאָט האָסטוּ דען אוּנז פאר לאָזין. אוּנ דוּא וועסט ניט אַרוֹיס גיין מיט אוּנזער חיל. אָבער דער בר דרוֹמא האָט גזאָגט צוּ גאָט דוּא מעגסט אוּנז שוֹין פאר לאָזין דוּא בּאַדאַרפסט שוֹין ניט גיין מיט אוּנזער חיל. איך וועל זייא שוֹין העלפין. דריבער איז גאָט אין כעס גיוואָרין. אוּנ דער בר דרוֹמא איז אַריין גיגאַנגען אין בית הכסא איז גיקומען אַשלאַנג אוּנ האָט ארוֹיס גישלעפּט פוּן אים דיא קישקעס. איז ער גישטאָרבען. האָט דער קיסר גזאָגט ווייל גאָט האָט מיר גיטאָהן אַנס. וועל איך זייא היינטיגען מאָהל לאָזין. האָט דער קיסר זייא גילאָזין אוּנ איז אַוועק גיגאַנגען. האָבען זייא גישפּרוּנגען אוּנ האָבען גיגעסין אוּנ גיטרוּנקען אוּנ האָבען אָן גיצוּנדען אַזוֹי פיל ליכט. אַז די מענטשין וואָס זענין גיוועזען וויט פוּן שטאָט אַתְּתוּם שבת ווצוויי טויזענד איילין האָבען גיקענט זעהן דיא צוּרוֹת פוּן זייערע פינגערלאך פוּן דיא ליכטיגקייט וואָס איז גיוועזען אין שטאָט. האָט דער קיסר גזאָגט דיא יוּדין פרייען זיך ווס איך בּין אַוועק גיגאַנגען פוּן זייא: איז ער צוּריק גיקומען אויף זייא. רבי אסי זאָגט דריי מאָהל הוּנדערט טויזענד זעלנער מיט אַרוֹס גיצויגענע שווערדין זענען אַריין גיגאַנגען אין טוּר מלכא. אוּנ זייא האָבען גיהרגת אין די יוּדין דריי טעג אוּנ דריי נעכט אין איין זייט שטאָט. אוּנ אין דיא אַנדערע זייט שטאָט האָט מען גימאַכט חתוּנות אוּנ מען האָט גיטאַנצט. אוּנ די מענטשין פוּן דער זייט שטאָט האָבען ניט גיוואוּסט וואָס עס טוּהט זיך אין די אַנדערע זייט שטאָט: אַזוֹ גרוֹיס איז די שטאָט גיוועזען:

יד בלע. אין פסוק שטייט גאָט האָט פאר דארבין אוּנ האָט ניט רחמנות גיהאַט אויף די אַלע וואָהנוּנג פוּן יעקב. אַז רבין איז גיקומען האָט ער גזאָגט פוּן רבי יוחנן וועגין דאָס מיינט מען דיא זעכציג רבוא וארבוא איז צעהן טויזענד) שטעט וואָס ינאי המלך האָט גיהאַט אויף דעם הר המלך

רבוא עיירות שהיה לו לינאי המלך בהר המלך דאמר רב יהודה אמר רב אסי ששים רבוא עיירות היה לו לינאי המלך בהר המלך וכל אחת ואחת היו בה כיוצאי מצרים חוץ מג' שהיו בהם כפלים כיוצאי מצרים אלו הן כפר ביש כפר שחלים כפר דכריא כפר ביש דלא יהבי ביתא לאושפיזא כפר שחלים שהיתה פרנסתן מן שחלים כפר דכריא א"ר יוחנן שהיו נשותיהם יולדות זכרים תחלה ויולדות נקבות באחרונה ופוסקות. אמר עולא לדידי חזיא לי ההוא אתרא ואפילו שתין רבוותא קני לא מחזיק א"ל ההוא צדוקי לר' חנינא שקורי משקריתו א"ל (דניאל יא) ארץ צבי כתיב בה מה צבי זה אין עורו מחזיק את בשרו אף א"י בזמן שיושבין עליה רווחא ובזמן שאין יושבין עליה גמרא:

מן רב מניומי בר חלקיה ורב חלקיה בר טוביה ורב הונא בר חייא הוו יתבי גבי הדדי אמרי איכא דשמיע ליה מלתא מכפר סכניא של מצרים לימא פתח חד מינייהו ואמר מעשה בארוס וארוסתו שנשבו לבין הנכרים והשיאום זה לזה אמרה לו בבקשה ממך אל תגע בי שאין לי כתובה ממך ולא נגע בה עד יום מותו וכשמת אמרה להם ספדו לזה שכבש ביצרו יותר מיוסף דאילו ביוסף לא הות אלא חדא שעתא והאי

שהלים. מין מהלל הוא במסכת ע"ז: הסית אתרא. הר המלך: משקריתו. דאמריתו ס' רבוא עיירות היו בהר המלך וה"א אינו מחזיק אפילו כ' רבוא קנים: גמדא. דטרייי"ת בלע"ז כמו גמוד מסאני: אין עורו מחזיק את בשרו. משהופשט הוא כווץ ואין יכול להזור ולכסותו כה: דשמיע ליה. מה מעשיהם אם צדיקים אם רשעים: בארוס וארוסתו. מאותה העיר: סכנעפא.

װארום רב יהודה האט געזאגט רב אסי האט געזאגט זעכציג רבוא שטעט האט ינאי המלך גיהאט אויף דעם הר המלך. אונ אין יעדער שטאט איז גיוועזן מענטשין אזוי פיל וויא עס איז גיגאנגען די יודין וואס זענען ארוס פון מצרים. נאר אין דריי שטעט איז גוועזן מענטשין צוויי מאל אזוי פיל ווי די יודין וואס זענען ארויס גיגאנגען פון מצרים. דס זענען די דריי שטעט. כפר ביש. כפר שחלים. כפר דכריא. פאר וואס האט מען גירופען די שטאט כפר ביש. ווייל זייא זענען גיוועזן שלעכטע מענטשין: אז עס איז גיקומען אפרעמדער מענטש: פלעגט קיינער איהם קיין ארייןנעמען אין שטוב צום גענעכטיגען. כפר שחלים האט מען גירופען. ווייל זייער האנדיל איז גיוועזן מיט שחלים. דס איז אמין זאמען. כפר דכריא פר וואס האט מען גירופען. האט רבי יוחנן געזאגט ווייל זייערע ווייבער פלעגען גיבארין צוא ערשט זכרים דער נאך נקבות: אונ פלעגין שוין ניט מער האבען קיין קינדער. עולא האט געזאגט איך האב גיזעהן דעם ארט הר המלך. אפילו זעכציג רבוא שטעקלאך קען מען אויך דארט ניט שטעלין. אאפיקורוס האט געזאגט צו רבי חנינא איר זאגט ליגען. איר זאגט אז אויף דעם הר המלך איז גיוועזן זעכציג רבוא שטעט. אפילו זעכציג רבוא שטעקלאך קען אויך דארטין ניט שטיין. האט רבי חנינא געזאגט צום אפיקורוס ביי ארץ ישראל שטייט ארץ צבי. דיא לאנד איז אזוי וויא אהערש. אזוי וויא דער הערש אז מען ציהט אראפ פון איהם דיא פעל. אונ מען זאל וועלין די פעל צוריק ארויף ציהען אויף איהם. וועט מען ניט קענען. ווייל דיא פעל ווערט באלד איין גיצויגען אונ קלענער. אזוי איז ארץ ישראל. ווען דיא יודין זענען גיזעסין אויף איר. איז זיא גיוועזן ברייט. אונ אז דיא יודין זיצען ניט אויף איר איז זיא איינגיצויגין גיווארין:

טן רב מניומי בר חלקיה אונ רב חלקיה בר טוביה אונ רב הונא בר חייא זענען גיזעסען איינער נעבין אנדערין. האבען זייא געזאגט אויב איינער פון אונז וויים עפעס צו דער צילען פון דעם דארף סכניא של מצרים. זאל ער זאגין: האט איינער אן גיהויבען צוא זאגין. עס האט גיטראפען אחתן אונ אכלה זענען גיפאנגען גיווארין צווישען גוים: האבען דיא גוים גיגייט דעם חתן ער זאל חתונה האבין מיט דיא כלה. נאך דער חתונה האט דיא כלה געזאגט צום חתן איך בעט דיך דוא זאלסט מיך ניט אן רירען. ווארום איך האב ניט קיין כתובה פון דיר: אונ דער מאן האט איר ניט אן גערירט ביז ער איז גישטארבין. אונ אז ער איז גישטארבין האט דאס ווייב געזאגט צו דיא חכמים איר מעגט איהם מספיד זיין: ווארום ער האט זיך גישטארקט אויף דעם יצר הרע. מער וויא יוסף. ווארום יוסף האט זיך גישטארקט אויף זיין יצר הרע

והאי כל יומא ויוכא ואילו יוסף לאו בחדא מטה והאי בחדא מטה ואילו יוסף לאו אשתו והאי אשתו פתח אידך ואכר מעשה ועמדו ארבעים מודיות בדינר נחסר השער מודיא אחת ובדקו ומצאו אב ובנו שבאו על נערה מאורסה ביה"כ והביאום לב"ד וסקלום וחזר השער למקומו פתח אידך ואמר מעשה באדם אחד שנתן עיניו באשתו לגרשה והיתה כתובתה מרובה מה עשה הלך וזימן את שושביניו והאכילם והשקם שיכרם והשכיבם על מטה אחת והביא לובן ביצה והטיל ביניהם והעמיד להם עדים ובא לב"ד היה שם זקן אחד מתלמידי שמאי הזקן ובבא בן בוטא שמו אמר להם כך מקובלני משמאי הזקן לובן ביצה סולד מן האור ושכבת זרע דוהה מן האור בדקו ומצאו כדבריו והביאוהו לב"ד והלקוהו והגבו כתובתה ממנו. א"ל [אביי] לרב יוסף ומאחר דהוו צדיקי כולי האי מ"ט איענשו א"ל משום דלא איאבול על ירושלים דכתיב (ישעיה סו) שמחו את ירושלים וגילו בה כל אוהביה שישו אתה משוש כל המתאבלים עליה :

זלזל ביקרו ולא חשבו אלא נתגבר עליו : מחסר השער . נתיקרה התבואה : לובן ביצה . שהוא דומה לשכבת זרע להוציא קול שבא על אשתו : סולד . דערכי"ש מתייבש [ומגליד] : שכבת זרע דוהה מן האור . נכנס ונבלע בבגד והינו מגליד :

אשקא

נאר איין מאהל . אונ ער האט זיך גישטארקט אויף זיין יצר הרע אלע טאג . אונ יוסף איז ניט גיוועזן מיט פוטיפרע אין איין בעט . אונ ער איז גיוועזן מיט מיר אין איין בעט . אונ פוטיפרע איז ניט גיוועזן אווייב פון יוסף . אונ איך בין גיוועזן זיין ווייב . נאר וויל מיר האבען ניט גיהאט קיין כתובה . דריבער האט ער מיך ניט בועל גיוועזן . האט דער אנדערער אן גיהויבין צוא זאגין . אמאהל איז גיוועזן פערציג מאס תבואה פאר אגילדין . איז טייערער גיווארין מיט איין מאס מען האט נאר גיגעבין ניין אונ דרייסיג מאס פאר אגילדין . האט מען גיזוכט פאר וואס איז טייערער גיווארין . האט מען גיפונען אז אפאטער מיט אזוהן האבען בועל גיוועזן אמיידיל ארוסה אום יום כפור . האט מען זייא גיבראכט צוא בית דין אונ מען האט זיי בעווארפין מיט שטיינער ביז זייא זענען גישטארבין . איז צוריק וועלוועלער גיווארין . אונ מען האט ווייטער פאר קויפט פערציג מאס פאר אגילדין . האט דער דריטער אן גיהויבען צוא זאגין . אמאהל האט גיטראפען אמענטש האט גיוואלט גטין זיין ווייב ; זיא האט אבער גיהאט אגרוסע כתובה וואס האט ער גיטאהן . איז ער גיגאנגען אונ האט פאר בעטין צוא זיך זיינע גוטע פריינד . אונ ער הט זיי גיגעבין עסין אונ טרינקען אונ האט זייא איינגעשיכרת אונ האט זייא געלייגט אלע אויף איין בעט . וואו זיין ווייב איז גילעגין . אונ ער האט גינומען אווייסל פון אאיי אונ האט ארויף גיגאסען אויפען בעט צווישען זיין ווייב אונ דעם גוטען פריינד . אונ ער האט גזאגט אז דאס איז שכבת זרע ; אונ ער האט גישטעלט עדות אז זייא האבען גיזעהן דיא שכבת זרע . איז ער גיקומען צוא בית דין אונ האט גזאגט אז זיין ווייב האט מזנה גיוועזן מיט דעם גוטען פריינד זיינעם . קומט איר גט אן כתובה ; איז דארט גיוועזן אאלטער מאן פון דעם אלטען שמאים תלמידים . ער האט גיהייסען בבא בן בוטא . האט בבא גזאגט צוא זייא אזוי האב איך גילערנט פון שמאי הזקן אז עס איז פאר גאסען ווייסל פון אאיי אויף אקלייד ; זאל מען האלטען פייער איבער דיא ווייסל וועט דיא ווייסל פאר טריקנט ווערין אונ עס וועט זיך אפ שיילין פון דעם קלייד . אונ אויב שכבת זרע איז פאר גאסען אויף אקלייד . אונ מען האלט פון הויבין פייאר . ווערט דיא שכבת זרע איינגיזאפט אין דיא קלייד . דריבער קען מען דאך באלד וויסען וואס דאס איז . שכבת זרע אדער ווייסל פון אאיי . האט מען גיפרובט אונ מען האט גיזעהן אז דאס איז ווייסל פון אאיי . האט מען אים גיבראכט צוא בית דין אונ מען האט אים גישלאגין מלקות . אונ מען האט אפ גינומען פון אים איר כתובה . אביי הט גזאגט צו רב יוסף אז זייא זענען גיוועזן אזעלכע גרוסע צדיקים . פאר וואס זענען זייא גישטראפט גיווארין . האט רב יוסף גזאגט ווייל זייא האבען ניט גיטרויערט אויף ירושלים . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק איר זאלט אייך פרייען מיט ירושלים .

טורניתא פי"ן: גנגא. חופה: קרני מלחמה. ראשי גייסות תוקפי קרן ומתאספים אליהם בני אדם: ושמא תאמר קרובה היתה. לים: בקעת ידים. שם מקום: ואחד דם. מהרוגי ביתר: של זכריה. בן יהוידע הכהן שהרגוהו שרי יהודה כמעשה יואש כשהשתחוו לו ליואש ועשוהו אלוה

טז אשקא דריספק חרוב ביתר דהוו נהיגי כי הוה מתיליד ינוקא שתלי ארזא ינוקתא שתלי תורניתא וכי הוה מנסבי קייצי להו ועבדי להו גננא יומא חדא הוה קא חלפא ברתי' דקיסר איתבר שקא דריספק קצו ארזא ועיילו לה אתו נפול עלייהו מחונהו אתו אמרו ליה לקיסר מרדו בך יהודאי אתא עלייהו (איכה ב) גדע בחרי אף כל קרן ישראל א"ר זירא א"ר יוחנן אלו פ' אלף קרני מלחמה שנכנסו לכרך ביתר בשעה שלכדוה והרגו בה אנשים ונשים וטף עד שהלך דמם ונפל לים הגדול ושמא תאמר קרובה היתה רחוקה היתה מיל תניא רבי אליעזר הגדול אומר שני נחלים בבקעת ידים אחד מושך אילך ואחד מושך אילך ושיערו חכמים שני חלקים מים ואחד דם במתניתא תנא שבע שנים בצרו אומות העולם את כרמיהם מדמם של ישראל בלא זבל:

(ע"ב) **יז א"ר** חייא בר אבין א"ר יהושע בן קרחה סח לי זקן א' מאנשי ירושלים בבקעה זו הרג נבוזראדן רב טבחים מאתים ואחת עשרה רבוא ובירושלים הרג צ"ד רבוא על אבן אחת עד שהלך דמן ונגע בדמיו של זכריה לקיים מה שנאמר (הושע ד) ודמים

איר זָאלְט אַייךְ פְרֵייעֶן מִיט אִיר (מִיט יְרוּשָׁלַיִם) אַלֶע וָואס הָאבֶּען אִיר לִיבּ. אִיר זָאלְט אַייךְ פְרֵייעֶן אַפְרֵייד מִיט יְרוּשָׁלַיִם אַלֶע וָואס הָאבֶּען גִיטְרוֹיעֶרְט אוֹיף אִיר:

טז אַשְׁקָא. דוּרְךְ אַזַאנְט פוּן אַוָואגִין אִיז חָרוּב גִיוָוארִין דִיא שְׁטָאט בֵּיתָר. בַּייא זֵייא אִיז גִיוֶוען דֶער מִנְהָג אַז עֶס פְלֶעגְט גִיבָּארִין וֶוערִין אַיוּנְגֶעל פְלֶעגְט מֶען פְלַאנְצֶן אַטֶעגֶענְבּוֹים אַזָכָר. אַז אַמֵיידֶעל פְלֶעגְט גִיבָּארִין וֶוערִין פְלֶעגְט מֶען פְלַאנְצֶען אַבּוֹים אַנְקֵבָה. אוּנ אַז אַחָתָן מִיט אַכַּלָה פְלֶעגִין חַתּוּנָה הָאבֶּען. פְלֶעגְט מֶען אָפּ הַאקִין דִיא צְווייא בּוֹימֶער אוּנ מֶען הָאט גִימַאכְט פוּן זֵייא אַחוּפָּה. אַמָאהל אִיז גִיפָארִין דִיא טָאכְטֶער פוּן קֵיסָר. אִיז צוּ בְּרָאכֶען גִיוָוארִין אַוַואגְט פוּן אִיר וָואגִין. הָאט מֶען אָפּ גִיהַאקְט אַשְׁטִיקוּל פוּן אַטֶעגֶענְבּוֹים אוּנ מֶען הָאט אַרַיין גִיזֶעצְט אִין אִיר וָואגֶען. וֶוענֶען דִיא יוּדִין אַרוּף גִיפַאלֶען אוֹיף אִירֶע בֶּעדִינְטֶע אוּנ הָאבֶּען זֵייא גִישְׁלָאגִין. וֶוענֶען זֵייא גִיקוּמֶען צוּם קֵיסָר אוּנ הָאבֶּען גִיזָאגְט דִיא יוּדִין ווילֶען דִיךְ נִיט דִינֶען. אִיז דֶער קֵיסָר גִיקוּמֶען אוֹיף זֵייא. עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק עֶר הָאט פַר שְׁנִיטֶען מִיט כַּעַס דִי גַאנְצֶע שְׁטַארְקֵייט אוּנ שֵׁיינְקֵייט פוּן יוּדִין. רַבִּי זֵירָא הָט גִיזָאגְט אַז רַבִּי אַבָּא הָאט גִיזָאגְט פוּן רַבִּי יוֹחָנָן וֶועגִין דָאס מֵיינְט מֶען דִיא אַכְצִיג טוֹיזֶענְד עֶלְצְטֶע פוּן דֶעם חַיִל וָואס בְּלָאזִין מִיט טְרוּמֵייטֶען דָאס חַיִל זָאלִין זִיךְ פַרזַאמְלֶען. וָואס וֶוענֶען אַרַיין גִיגַאנְגֶען אִין דִיא שְׁטָאט בֵּיתָר וֶוען מֶען הָאט אִיר אַיין גִינוּמֶען אוּנ זֵיי הָאבֶּען דָארְט גִיהַרְגֶעט מַאנְסְלַייט אוּנ וַוייבֶּער אוּנ קְלֵיינֶע קִינְדֶער בִּיז דִיא בְּלוּט אִיז גִיגַאנְגֶען צוּם יָם הַגָדוֹל אוּנ אַרַיין גִיגָאסֶען גִיוָוארִין אִין יָם. טָאמֶער וֶועסְטוּ זָאגִין אַז פוּן דִיא שְׁטָאט בֵּיתָר צוּם יָם הַגָדוֹל אִיז נָאנְט. נֵיין. עֶס אִיז ווַייט אַתְּחוּם שַׁבָּת. צְווייא טוֹיזֶענְד אֵיילִין. מִיר הָאבֶּען גִילֶערְנְט רַבִּי אֱלִיעֶזֶר הַגָדוֹל זָאגְט צְווייא טַייכֶען וֶוענֶען דָא אִין דֶעם אָרְט בִּקְעַת יָדַיִם. דִיא ווַאסֶער פוּן אַיין טַייךְ צִיהְט זִיךְ אִין דֶעם זַייט. אוּנ דִי ווַאסֶער פוּן אַנְדֶערִין טַייךְ צִיהְט זִיךְ אִין אַיין אַנְדֶער זַייט. הָאבֶּען דִי חֲכָמִים בַּרֶעכִינְט אַז אִין יֶעדֶער טַייךְ אִיז דָא צְווייא טֵייל ווַאסֶער אוּנ אֵיין טֵייל בְּלוּט. אִין אַבְּרַיְיתָא הָאבֶּען מִיר גִילֶערְנְט זִיבֶּען יָאהר הָאבֶּען דִיא פֶעלְקֶער גֶעמִיסְט זֵייעֶרֶע פֶעלְדֶער אוּנ ווַיין גֶערְטְנֶער מִיט יוּדִישֶׁע בְּלוּט אָן מִיסְט:

יז אָמַר. רַבִּי חִיָּיא בַּר אָבִין הָט גִיזָאגְט פוּן רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ בֶּן קָרְחָה וֶועגִין אַאַלְטֶער מַאן פוּן דִיא מֶענְטְשִׁין פוּן יְרוּשָׁלַיִם הָאט מִיר גִיזָאגְט אִין דֶעם טָאהל הָאט נְבוּזַרְאֲדָן רַב טַבָּחִים גִיהַרְגֶעט צְווייא הוּנְדֶערְט מִיט עֶלְף רִבּוֹא (אַרִבּוֹא אִיז צֶעהְן טוֹיזֶענְד) יוּדִין. אוּנ אִין יְרוּשָׁלַיִם הָאט עֶר גִיהַרְגֶעט פִיר אוּנ נַיינְצִיג רִבּוֹא יוּדִין אוֹיף אַיין שְׁטֵיין. בִּיז זֵייעֶר בְּלוּט אִיז גִיגַאנְגֶען אוּנ הָאט אָן גִירִירְט

דמים בדמים נגעו. אשכחיה לדמיה דזכריה דהוה קא מרתח וסליק ואמר להו מאי האי אמרו לו דם זבחים דאשתפוך אייתי דמא ולא אידמי אמר להו אי אמריתו לי מוטב ואי לאו מסריקנא לבשרייכו במסרקי דפרזלא.

והרגוהו בעזרה. ספר פירטתא. שטר מוחל ספריו מה שהיה על נכסיו: גר תושב (גי׳). שלא הזהיר עליו שאר מצות אלא ע״ז שנאמר כי לא יעשה עוד עבדך וגו׳: והיינו דכתיב. לדמים דזכריה: של נביא

אמרי ליה מאי נימא לך נביא הוה בן דהוה קא מוכח לן במילי דשמיא קמינן עלויה וקטלינן ליה והא כמה שנין דלא קא נייח דמיה. אמר להו אנא מפייסנא ליה אייתי סנהדרי גדולה וסנהדרי קטנה קטיל עילויה ולא נח בחורים ובתולות קטל עילויה ולא נח אייתי תינוקות של בית רבן קטל עילויה ולא נח. א״ל זכריה זכריה טובים שבהם אבדתי ניחא לך דאבדינהו לכולהו כדאמר ליה הכי נח. בההיא שעתא הרהר תשובה בדעתיה אמר ומה יהם) [אם] על נפש אחת כך ההוא גברא דקטל כל הני נפשתא על אחת כמה כמה ערק אזל שדר [שטר] פירטתא בביתיה ואינייר. תנא נעמן גר תושב היה נבוזראדן גר צדק היה. מבני בניו של המן למדו תורה בבני ברק. מבני בניו של סיסרא למדו תינוקות בירושלים. מבני בניו של סנחרב למדו תורה ברבים מאן אינון שמעיה ואבטליון

דִיא בְּלוּט פוּן זְכַרְיָה הַנָבִיא. צוּא מְקַיֵים זַיין וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק בְּלוּט צוּא בְּלוּט הָאבֶּען אָן גֶערִירְט: נְבוּזְרַאדָן הָט גִיפוּנֶען דִיא בְּלוּט פוּן זְכַרְיָה קָאכְט אַרוֹיף אִין דִיא הֵייךְ. הָאט נְבוּזְרַאדָן גִיפְרֶעגְט בַּיי דִיא יוּדִין וָוס אִיז דָאס פַר אַבְּלוּט. הָאבֶּען דִיא יוּדִין גְזָאגְט צוּא אִים דָאס אִיז דִיא בְּלוּט פוּן קָרְבָּנוֹת וָואס אִיז אוֹיס גִיגָאסֶען גִיוָוארִין. הָאט עֶר גִיבְּרַאכְט בְּלוּט פוּן בְּהֵמוֹת אוּנ הָאט אַרַיין גִיגָאסֶען אִין דִיא בְּלוּט. אוּנ דִיא בְּלוּט אִיז נִיט גֶעשְׁוִויגֶען גִיוָוארִין. הָאט נְבוּזְרַאדָן גְזָאגְט צוּ דִיא יוּדִין אוֹיבּ אִיר וֶועט מִיר זָאגִין וָואס דִיא בְּלוּט אִיז. אִיז גוּט. אוּנ אוֹיבּ אִיר וֶועט נִיט זָאגִין וֶועל אִיךְ רַייסֶען אַייֶער פְלֵייש מִיט אַייזֶערְנֶע קַאמֶען. הָאבֶּען דִי יוּדִין גְזָאגְט צוּ נְבוּזְרַאדָן וָואס זָאלִין מִיר דִיר זָאגִין. אַנָבִיא אִיז גִיוֶוען בַּיי אוּנְז וָואס עֶר פְלֶעגְט אוּנְז שְׁטְרָאפִין מִיר זָאלִין פְרוּם וֶוערִין. וֶוענֶען מִיר אוֹיף גִישְׁטַאנֶען אוֹיף אִים אוּנ מִיר הָאבֶּען אִים גִיהַרְגֶ'ט. אוּנ דָאס אִיז שׁוֹין פִיל יָאהר אוּנ דִיא בְּלוּט רוּהְט נִיט: הָאט נְבוּזְרַאדָן גְזָאגְט צוּ דִיא יוּדִין אִיךְ וֶועל אִים אִיבֶּער בֶּעטִין. הָאט עֶר גִיבְּרַאכְט דִיא סַנְהֶדְרֵי גְדוֹלָה וְאֵיין אוּנ זִיבֶּעצִיג דַיינִים) אוּנ דִיא סַנְהֶדְרֵי קְטַנָה וְדְרַיי אוּנ צְוָואנְצִיג דַיינִים) . אוּנ הָאט זֵייא גִיהַרְגֶ'ת אוֹיף דִיא בְּלוּט. אוּנ דִי בְּלוּט הָאט נִיט גִירוּהְט. מֶען הָאט גִיבְּרַאכְט בַּחוּרִים אוּנ בְּתוּלוֹת אוּנ מֶען הָאט זֵיי גִהַרְגֶ'ת אוֹיף דִיא בְּלוּט. אוּנ דִיא בְּלוּט הָאט נִיט גִירוּהְט. מֶען הָאט גִיבְּרַאכְט קְלֵיינֶע קִינְדֶער פוּן חֵדֶר אוּנ מֶען הָאט זֵייא גִיהַרְגֶ'ת אוֹיף דִיא בְּלוּט. אוּנ דִיא בְּלוּט הָאט נִיט גִירוּהְט. הָט נְבוּזְרַאדָן גְזָאגְט צוּ דִי בְּלוּט. זְכַרְיָה זְכַרְיָה דִיא בֶּעסְטֶע פוּן דִיא יוּדִין הָאבּ אִיךְ שׁוֹין גִיהַרְגֶ'ת. דוּ ווִילְסְט אִיךְ זָאל אַלֶע הַרְגֶ'נֶען. ווִיא נְבוּזְרַאדָן הָט אַזוֹ גְזָאגְט אִיז דִיא בְּלוּט בַּאלְד שְׁטִיל גִיוָוארִין. אִין דֶער צַייט הָאט נְבוּזְרַאדָן גִיטְרַאכְט תְּשׁוּבָה צוּ טָאהן. עֶר הָאט גְזָאגְט. מַאדְאךְ דִיא יוּדִין וָוס זֵייא הָאבֶּען נָאר גִיהַרְגֶ'ת אֵיין מֶענְטְשׁ. וֶוענֶען זֵייא אַזוֹ גִישְׁטְרָאפְט גִיוָוארִין. אִיךְ וָואס אִיךְ הָאבּ גִיהַרְגֶ'ת אַזוֹ פִיל מֶענְטְשִׁין וֶועל אִיךְ דָאךְ גֶעוִויס גִישְׁטְרָאפְט וֶוערִין. אִיז נְבוּזְרַאדָן אַנְטְלָאפֶען אוּנ הָאט גֶעשְׁרִיבֶּען אַבְּרִיף אַהֵיים וָואס מֶען זָאל טָאהן מִיט זַיין פַאר מֶעגִין. אוּנ עֶר הָט זִיךְ מְגַייֵר גִיוֶוען: מִיר הָאבֶּען גִילֶערוּנְט נַעֲמָן הָאט זִיךְ נָאר מְגַייֵר גִיוֶוען עֶר זָאל נִיט דִינֶען עֲבוֹדָה זָרָה. אָבֶּער דִיא מִצְוֹת פוּן דֶער תּוֹרָה הָאט עֶר נִיט גֶעהִיט: אוּנ נְבוּזְרַאדָן הָאט זִיךְ מְגַייֵר גִיוֶוען אוּנ אִיז גִיוָוארִין אַיוּד אַזוֹ וִויא אַלֶע יוּדִין. דִיא אֵיינִיקְלַאךְ פוּן הָמָן הָאבֶּען זִיךְ מְגַייֵר גִיוֶוען אוּנ הָאבֶּען גִילֶערוּנְט תּוֹרָה אִין בְּנֵי בְרַק. דִיא אֵיינִיקְלַאךְ פוּן סִיסְרָא הָאבֶּען זִיךְ מְגַייֵר גִיוֶוען אוּנ הָאבֶּען גִילֶערוּנְט תּוֹרָה מִיט קִינְדֶער אִין יְרוּשָׁלַיִם. דִיא אֵיינִיקְלַאךְ פוּן סַנְחֵרִיב הָאבֶּען זִיךְ מְגַייֵר גִיוֶוען אוּנ הָאבֶּען גִילֶערוּנְט תּוֹרָה מִיט פִיל מֶענְטְשִׁין. וֶוער זֶענֶען גִיוֶוען דִי אֵיינִיקְלַאךְ פוּן סַנְחֵרִיב וָואס הָאבֶּען זִיךְ מְגַייֵר גִיוֶוען. דָס אִיז שְׁמַעְיָה אוּנ אַבְטַלְיוֹן. אוֹיף דִיא בְּלוּט פוּן

ואבטליון והיינו דכתיב (יחזקאל כד) ונתתי את דמם על צחיח סלע לבלתי הכסות:

יח הקול (בראשית כז) קול יעקב והידים ידי עשו הקול זה אדריינוס קיסר שהרג באלכסנדריא של מצרים ששים רבוא על ששים רבוא כפלים כיוצאי מצרים קול יעקב זה אספסיינוס קיסר שהרג בכרך ביתר ת' רבוא ואמרי לה ארבעת אלפים רבוא . והידים ידי עשו זו המלכות שהחריבה את בתינו ושרפה את היכלנו והגליתנו מארצנו . ד"א הקול קול יעקב אין לך תפלה שמועלת שאין בה מזרעו של יעקב והידים ידי עשו אין לך מלחמה שנוצחת שאין בה מזרעו של עשו והיינו דא"ר אלעזר (איוב ה) בשוט לשון תהבא בחרחורי לשון תחבא:

יט אמר רב יהודה אמר רב מ"ד (תהלים קלז) על נהרות בבל שם ישבנו גם בכינו בזכרנו את ציון מלמד שהראהו הקב"ה לדוד חורבן בית ראשון וחורבן בית שני חורבן בית ראשון שנא' על נהרות בבל שם ישבנו גם בכינו בית שני דכתיב (סס)

צחית סלע . על חלקת אבן חלקה שלא יבלע בארץ כך היה דמו של זכריה על הרצפה ולא נבלע :
לחית . בטיעות כתרגומו :
הקול קול . אותה וכבי עולה מיעקב ראה יצחק בנבואה מפלה זו של ביתר : והיינו דא"ר אלעזר . הא דאמריק לעיל שע"י לשון הרע הרבה הבית ומהרגו כמה רבבות : בחרחורי לשון . במריבת לשון כמו אל תתחר : שוט לשון . שבט מכה :

זכריה שטייט אין פסוק איך וועל געבן זייער בלוט אויף אטרוקענעם שטיין . די בלוט זאל ניט צו גידעקט ווערין . זיא זאל ניט איין גיזאפט ווערין :

יח הקול . אין פסוק שטייט דער קול איז פון יעקב אונ די הענט זענען פון עשו . דס מיינט מען יצחק האט גיוואוסט דורך זיינע נביאות אונ ער האט גיהערט דס געוויין פון יעקב ווס ער וועט אמאהל וויינען דורך די הענט פון עשו . דורך אנדריינוס קיסר וואס ער האט גיהרגת אין אלכסנדריה פון מצרים הונדערט מיט צוואנציג רבוא יודין . צוויי מאהל אזו פיל ווי עס זענען ארוס גינאנגען פון מצרים . נאך האט יעקב געוויינט דורך אספסינוס קיסר וואס ער האט גיהרגת אין די שטאט ביתר פיר הונדערט רבוא יודין . אנדערע זאגין פיר טויזענד רבוא יודין ; די הענט פון עשו וואס האבען גיטאהן . דאס מיינט מען די מלוכה ווס הט חרוב גמאכט אונזער בית המקדש אונ הט פר ברענט אונזער היכל אונ האט אונז פר טריבען פון אונזער לאנד . נאך הט מען גילערנט דעם פסוק הקול קול יעקב ; אלע תפלות פון אלע מענטשין העלפין ניט . סיידין די קינדער פון יעקב . די יודין ; בעטין אויך מיט די תפלה ; ווערט מען גיענפערט . אונ אין פסוק שטייט והידים ידי עשו . די הענט זענען פון עשו . אז מיר זעהן אפאלק הט איין גינומען אמלחמה ; דאס איז ווייל צווישען דעם חיל זענען גיוועזן די קינדער פון עשו . ווייל די קינדער פון עשו האבען מיט גיהאלפען צו דער מלחמה . ווס מען הט פריער גזאגט אז דורך די לשון הרע פון בר קמצא איז חרוב גיווארין דער בית המקדש . אונ עס זענען גיהרגת גיווארין אזו פיל טויזענדער יודין . דאס איז אזו וויא רבי אלעזר האט גזאגט . עס שטייט אין פסוק אז דער צונג שלאגט זאלסטו דיך בעהאלטין . דס מיינט מען ביי די קריג פון צונג . אז מענטשין קריגען אונ ריידין איינר אויף דעם אנדערין . זאלסטו דיך בעהאלטין ; ווארום דס גרעסטע שרעקניש קומט ארוס פון לשון הרע :

יט אמר . רב יהודה הט גזאגט פון רבם וועגין עס שטייט אין פסוק ביי די טייכען פון בבל דארט זענען מיר גיזעסען אונ מיר האבען גיוויינט אז מיר האבען דער מאנט די שטאט ציון . דער פסוק דער ציילט אונז אז גאט האט געוויזען צוא דוד המלך דעם חורבן פון ערשטין בית המקדש אונ דעם חורבן פון אנדערין בית המקדש ; אויף דעם חורבן פון ערשטין בית המקדש שטייט אין פסוק ביא די טייכען פון בבל דארט זענען מיר גיזעסין אונ מיר האבען געוויינט . ווארום דער ערשטער בית המקדש איז חרוב גיווארין פון בבל . אויף דעם חורבן פון אנדערין בית המקדש שטייט אין פסוק גאט דוא זאלסט גידיינקין צוא די קינדער פון

(שם) זכור ה' לבני אדום את יום ירושלים האומרים ערו ערו עד היסוד בה. אמר רב יהודה אמר שמואל ואי תימא רבי אמי ואמרי לה במתניתא תנא מעשה בד' מאות ילדים וילדות שנשבו לקלון הרגישו בעצמם למה הם מתבקשים אמרו אם אנו טובעים בים אנו באים לחיי העוה"ב דרש להם הגדול שבהם (שם סח) אמר ה' מבשן אשיב אשיב ממצולות ים מבשן אשיב מבין שיני אריות אשיב ממצולות ים אלו שטובעין בים כיון ששמעו ילדות כך קפצו כולם ונפלו לתוך הים נשאו ילדים ק"ו בעצמם ואמרו מה הללו שדרכן לכך כך אנו שאין דרכנו לכך עאכ"ו אף הם קפצו לתוך הים ועליהם הכתוב אומר (שם מד) כי עליך הורגנו כל היום נחשבנו כצאן טבחה. ורב יהודה אמר זו אשה ושבעה בניה אתיוהו לקמא קמיה דקיסר אמרו ליה פלח לעבודה זרה אמר להו כתוב בתורה (שמות כ) אנכי ה' אלהיך אפקוהו וקטלוהו אתיוהו לאידך לקמיה דקיסר אמרו ליה פלח לעבודה זרה אמר להו כתוב בתורה (שם) לא יהיה לך אלהים אחרים על פני אפקוהו וקטלוהו אתיוהו לאידך ואמרו ליה פלח לעבודה זרה אמר להו כתוב בתורה (שם לד) לא תשתחוה לאל אחר אפקוהו וקטלוהו אתיוהו לאידך אמרו ליה פלח לעבודה זרה

לקלון. ילדים למשכב זכור וילדות לפלגשים: כשן. בין שן נוטריקון: שדרכן לכך. להשמיש ואין קלונן מרובה כקלון שלנו: זו אשה. הורגנו כל

אֶדוֹם דֶעם טָאג וָואס זֵייא הָאבֶּען חָרוּב גִימַאכְט יְרוּשָׁלַיִם. וָואס זֵייא הָאבֶּען גְזָאגְט אֵיינֶער צוּם אַנְדֶערִין מֶען זָאל וִויסְט מַאכֶען יְרוּשָׁלַיִם בִּיז צוּם פוּנְדַאמֶענְט; וָוארוּם דֶער אַנְדֶערֶער בֵּית הַמִקְדָשׁ אִיז חָרוּב גִיוָוארִין פוּן אֶדוֹם. רַב יְהוּדָה הָט גְזָאגְט פוּן שְׁמוּאֵלְס וֶועגִין. אַנְדֶערֶע זָאגִין דָאס הָט רַבִּי אַמִי גְזָאגְט. אַנְדֶערֶע זָאגִין דָאס הָאט מֶען אִין אַבְּרַייתָא גִירֶערוּנְט. עֶס הָאט אַמָאהל גִיטְרָאפֶען אַז פִיר הוּנְדֶערְט יוּנְגֶע קִינְדֶער זְכָרִים אוּנ נְקֵבוֹת זֶענֶען גִיפַאנְגֶען גִיוָוארִין מֶען זָאל מִיט זֵייא מְזַנֶה זַיין. אוּנ מֶען הָאט זֵייא גֶעפִירְט אִין אַשִׁיף אוֹיף דֶעם יַם. פָארֶענְדִיג אוֹיף דֶעם יַם הָאבֶּען זֵייא פַאר שְׁטַאנֶען צוּ וָואס מֶען פִירְט זֵייא. הָאבֶּען דִיא קִינְדֶער גִיפְרֶעגְט אֵיינֶער בַּיי דֶעם אַנְדֶערִין אוֹיבּ מִיר וֶועלִין אוּנְז דֶער טְרֵיינְקֶען אִין יַם. וֶועלִין מִיר קֶענֶען הָאבֶּען עוֹלָם הַבָּא. הָט דֶער עֶלְטֶערֶער קִינְד פוּן זֵייא גִידַרְשְׁת עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק גָאט הָאט גְזָאגְט מִבָּשָׁן אָשִׁיב אָשִׁיב מִמְצוּלוֹת יָם. מִבָּשָׁן אָשִׁיב אִיז טַייטְשׁ. מִבֵּין שִׁנֵי אֲרָיוֹת אָשִׁיב; אֲפִילוּ דֶער מֶענְטְשׁ וָוס אִיז צוּרִיסֶען גִיוָוארִין פוּן דִיא צֵיין פוּן אַלֵייבּ. וֶועט עֶר אוֹיךְ קוּמֶען צוּ עוֹלָם הַבָּא. אָשִׁיב מִמְצוּלוֹת יָם. אֲפִילוּ דֶער וָואס וֶוערְט דֶער טְרוּנְקֶען אִין דִיא טִיף פוּן יַם. וֶועט עֶר אוֹיךְ קוּמֶען צוּ עוֹלָם הַבָּא; וִויא דִיא מֵיידְלַאךְ הָאבִּין דָאס גִיהֶערְט. זֶענֶען אַלֶע גִישְׁפְּרוּנְגֶען אִין יַם אוּנ זֶענֶען דֶער טְרוּנְקֶען גִיוָוארִין; הָאבִּין דִיא זְכָרִים גְזָאגְט מַאדָאךְ דִיא מֵיידְלַאךְ וָואס זֶענֶען בַּשַׁאפִין גִיוָוארִין מֶען זָאל זֵייא בּוֹעֵל זַיין. הָאבִּין נִיט גִיוָואלְט מֶען זָאל מִיט זֵייא מְזַנֶה זַיין. מִיר וָואס זֶענֶען נִיט בַּשַׁאפִין גִיוָוארִין מֶען זָאל אוּנְז בּוֹעֵל זַיין. גֶעוִוים אַז מִיר דַארְפִין נִיט וֶועלִין מֶען זָאל מִיט אוּנְז מְזַנֶה זַיין. זֶענֶען דִיא זְכָרִים אוֹיךְ אַרַיין גִישְׁפְּרוּנְגֶען אִין יַם אוּנ זֶענֶען דֶער טְרוּנְקֶען גִיוָוארִין; אוֹיף זֵייא זָאגְט דֶער פָּסוּק כִּי עָלֶיךָ הוֹרַגְנוּ כָּל הַיּוֹם אוֹיף דִיר גָאט וֶוערִין מִיר גִיהַרְגֶעט אַגַאנְצִין טָאג מִיר זֶענֶען גִירֶעכוּנְט אַזוֹי וִויא דִיא שֶׁעפְּסִין צוּם שֶׁעכְטִין. רַב יְהוּדָה זָאגְט דֶער פָּסוּק כִּי עָלֶיךָ הוֹרַגְנוּ מֵיינְט דִיא אִשָׁה מִיט אִירֶע זִיבֶּען קִינְדֶער. מֶען הָאט גִיבְּרַאכְט דֶעם עֶרְשְׁטִין קִינְד פַאר דֶעם קֵיסָר. הָאט מֶען גְזָאגְט צוּם קִינְד דִין דִיא עֲבוֹדָה זָרָה; הָאט דֶער קִינְד גְזָאגְט צוּ זֵייא עֶס שְׁטֵייט אִין דִיא תּוֹרָה אִיךְ בִּין דַיין גָאט. הָאט מֶען אִים אַרוֹיס גֶעפִירְט אוּנ מֶען הָאט אִים גִיהַרְגֶעט. דֶער נָאךְ הָאט מֶען גִיבְּרַאכְט דֶעם אַנְדֶערִין קִינְד פַאר דֶעם קֵיסָר; הָאט מֶען גְזָאגְט צוּ אִים דִין דִיא עֲבוֹדָה זָרָה. הָאט דֶער קִינְד גְזָאגְט צוּ זֵייא עֶס שְׁטֵייט אִין דֶער תּוֹרָה דוּ זָאלְסְט נִיט הָאבִּין קֵיין אַנְדֶערֶע גֶעטֶער פַאר מִיר. הָאט מֶען אִים אַרוֹיס גֶעפִירְט אוּנ מֶען הָאט אִים גִיהַרְגֶעט. דֶער נָאךְ הָאט מֶען גִיבְּרַאכְט דֶעם דְרִיטֶען קִינְד פַאר דֶעם קֵיסָר. הָאט מֶען גְזָאגְט צוּ אִים דִין דִיא עֲבוֹדָה זָרָה. הָאט דֶער קִינְד גְזָאגְט

קיסר: מלכות. ייהבו: גושפנקא. הוכמי סגולתי שבוע כו כדי שתהא נכלה מבתהוה לה: הורמנא דמלכא. שולטנות המלך קבל עליו לעשות

זרה א"ל כתוב בתורה (שם כג) זובח לאלהים יחרם אפקוהו וקטלוהו אתיוהו לאידך אמרו ליה פלח לעבודה זרה א"ל כתוב בתורה (דברים ו) שמע ישראל ה' אלהינו ה' אחד אפקוהו וקטלוהו אתיוהו לאידך אמרו ליה פלח לעבודה זרה א"ל כתוב בתורה (שם ד) וידעת היום והשבות אל לבבך כי ה' הוא האלהים בשמים ממעל ועל הארץ מתחת אין עוד אפקוהו וקטלוהו אתיוהו לאידך אמרו ליה פלח לעבודה זרה אמר להו כתוב בתורה (שם כו) את ה' האמרת היום וגו' וה' האמירך היום כבר נשבענו להקב"ה שאין אנו מעבירים אותו באל אחר ואף הוא נשבע לנו שאין מעביר אותנו באומה אחרת א"ל קיסר א שדי לך גושפנקא וגחין ושקליה כי היכי דלימרו קבל עליה הורמנא דמלכא אמר ליה הבל עליך קיסר חבל עליך קיסר על כבוד עצמך כך על כבוד הקב"ה עאכ"ו אפקוהו למקטליה אמרה להו אימיה יהבוהו ניהלי ואינשקיה פורתא אמרה להו בני לכו ואמרו לאברהם אביכם אתה עקדת מזבח אחד ואני עקדתי שבעה מזבחות אף היא עלתה לגג ונפלה ומתה יצתה בת קול ואמרה (תהלים קיג) אם הבנים שמחה. ריב"ל אמר

זו

צו זייא עס שטייט אין דיא תורה דו זאלכט דיך ניט בוקין צו איין אנדער גאט. האט מען אים ארויס געפירט אונ מען האט אים גיהרגת. דער נאך האט מען גיבראכט דעם פערטין קינד פאר דעם קיסר. האט מען גזאגט צו אים דין דיא עבודה זרה. האט דער קינד גזאגט צו זייא עס שטייט, אין דיא תורה דער וואס שעכט צו דיא עבודה זרה זאל פארוויסט ווערין. האט מען אים ארויס געפירט אונ מען האט אים גיהרגת. דער נאך האט מען גיבראכט דעם פינפטין קינד פאר דעם קיסר. האט מען גזאגט צו אים דין דיא עבודה זרה האט דער קינד גזאגט צו זייא עס שטייט אין דיא תורה הערט איר יודין גאט איז אונזער גאט אונ ער איז איינער. האט מען איהם ארויס געפירט אונ מען האט איהם גיהרגת. דער נאך האט מען גיבראכט דעם זעקסטין קינד פאר דעם קיסר. האט מען גזאגט צו אים דין דיא עבודה זרה. האט דער קינד גזאגט צו זייא עס שטייט אין דער תורה דו זאלסט היינט וויסען אונ דו זאלסט צוריק קערין צו דיין הארץ אז גאט איז אגאט אויף דעם הימעל פון הויבין אונ אויף דער ערד אונטען אונ מער קיין גאט איז ניטא. האט מען אים ארויס געפירט אונ מען האט אים גיהרגת. דער נאך האט מען גיבראכט דעם זיבעטין קינד פאר דעם קיסר. האט מען גזאגט צו אים דין דיא עבודה זרה. האט דער קינד גזאגט צו זייא עס שטייט אין דער תורה דו האסט היינט גילויבט גאט. אונ גאט האט היינט דיך גילייבט. מיר האבין גישוואוין צו גאט אז מיר זאלין אים ניט אום טאהשין אויף קיין אנדער גאט. אונ גאט האט גישווארין צו אונז אז ער זאל אונז ניט אום טאהשין אויף קיין אנדער פאלק. האט דער קיסר גזאגט צום קינד איך וועל אראפ ווארפין מיין פינגעריל וואס אויף דיים פינגעריל איז דא מיין צורה. אונ דו וועסט דיך איינבייגין אונ וועסט נעמען דעם פינגעריל. וועט מען זאגין אז דו האסט גינומען אויף זיך מיין גיוועלטיגקייט אונ דו בוקסט דיך צו מיר וועסטו מיך שוין פאלגין אונ וועסט דיך בוקין צו דיא עבודה זרה אויך: האט דער קינד גזאגט צום קיסר: ווייא אויף דיר קיסר. אז דו זארגסט אזוי פיל אויף דיין כבוד וויא פיל דארף איך זארגין אויף דעם כבוד פון גאט. האט מען אים געפירט צום הרגנן. האט דיא מוטער צו דיא גזאגט גיט מיר אים איך וועל אים אביסעל קושען. האט דיא מוטער גזאגט צו אירע קינדער. מיינע קינדער גייט זאגט צו אייער פאטער אברהם דו האסט גיוואלט שעכטין נאר איין זוהן פון גאטס וועגין. אונ איך האב גישאכטין זיבען זיהן פון גאטס וועגין: אונ דיא מוטער איז ארויף גיגאנגען אויף דעם דאך אונ איז אראפ גיפאלין אונ גישטארבין. איז ארויס גיגאנגען אקול פון הימעל אונ האט גזאגט דיא מוטער מיט דיא קינדער וועלין זיך פרייען. רבי יהושע בן לוי האט גזאגט דער פסוק כי עליך הורגנו מיינם

זו מילה שניתנה בשמיני רבי שמעון בן לקיש אמר אלו תלמידי חכמים שמראין הלכות שחיטה בעצמם דאמר רבא כל מילי ליחזי אינש בנפשיה בר משחיטה וד"א. רב נחמן בר יצחק אמר אלו תלמידי חכמים שממיתין עצמן על ד"ת כדר"ש בן לקיש דארשב"ל אין ד"ת מתקיימין אלא במי שממית עצמו עליה שנא' (במדבר יט) זאת התורה אדם כי ימות באהל:

(דף נח) **אמר** רבה בר בר חנה א"ר יוחנן ארבעים סאה קצוצי תפילין נמצאו בראשי הרוגי ביתר ר' ינאי ברבי ישמעאל אומר שלש קופות של ארבעים ארבעים סאה במתניתא תנא ארבעים קופות של ג' ג' סאין ולא פליגי הא דרישא הא דדרעא אמר רבי אסי ד' קבין מוח נמצאו על אבן אחת עולא אמר ט' קבין אמר רב כהנא ואיתימא שילא בר מרי מאי קראה (תהלים קלז) בת בבל השדודה אשרי שישלם לך וגו' אשרי שיאחז ונפץ את עולליך אל הסלע (איכה ד) בני ציון היקרים המסלאים בפז מאי מסולאים בפז אילימא דהוו מתפי בפיזא

מגיהו: זו מילה. הורגנו כל היום דמיים: בר משחיטה. שמא יתחבנו בגרונו: וד"א. גרעם ומראות נגעים מפני שמסוכן לקפוץ עליו: קצוצי תפילין. דפוסי תפילין הוץ מן הרצועה קרוים קציצה כדאמרי' במס' סוכה אותו ברצועה ואינו צותו בקציצה: ולא פליגי. רבה בר בר חנה ורבי ינאי ומתניתא: דדרעא. מ' סאה ודרישא שהם גדולים ד' בתים בכל קציצה הוי ג' זמני מ' סאה ואם תאמר ד' לא היא הבית אחד של זרוע גדול מאחד מבתי הראש לפי שכאן כל ארבע פרשיות בבית אחד ובשל ראש פרשה אחת בבית אחד ומ"ם דפוס של ראש מתוך שצריך להלק הבתים ולהיות ריוח ביניהם וקבועים על מושב אחד הולך במושב לגיות רחב והוי על אחד ג' שבזרוע: ד' קבין. כהורכן

דיא מצוה פון מילה וואס דאס קינד ווערט גימאלט דעם אכטן טאג. עס איז דאך אסכנה טאמער וועט ער שטארבען. רבי שמעון בן לקיש זאגט דער פסוק כי עליך הורגנו מיינט דיא תלמידי חכמים וואס ווייזן אויף זיך דיא דינים פון שחיטה. ווארום רבא האט גיזאגט אלץ מעג א מענטש ווייזן אויף זיך נאר ניט וויא מען שעכט אונ ניט קרעץ. ווארום שעכטין קען א מאהל זיין ער זאל זיך איינ ניידין אין האלז. אונ קרעץ איז אויך א סכנה עס זאל קומען אויף אים. פון דעסטוועגען ברייגגען דיא תלמידי חכמים זיך אליין אין אסכנה. אונ ווייזן אויף זיך וויא אזוי מען שעכט. צו לערנען דעם דין פון גאטס וועגין. רב נחמן בר יצחק זאגט דער פסוק כי עליך הורגנו מיינט דיא תלמידי חכמים וואס זייא טייטין זיך פון וועגין דיא תורה. אזוי וויא רבי שמעון בן לקיש האט גיזאגט דיא תורה האלט זיך נאר בייא דעם מענטש וואס טייט זיך פון וועגין איר. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק זאת התורה אדם כי ימות באהל דיא תורה האלט זיך נאר בייא דעם מענטש וואס בייא אים איז רעכט צו שטארבין אין בית המדרש וועגין איר:

אמר. רבה בר בר חנה האט גיזאגט פון רבי יוחנן וועגין פערציג מאס מיט פארין תפילין האט מען גיפונען אויף דיא קעפ פון דיא גיהרגעטע מענטשין וואס מען האט גיהרגעט אין ביתר: רבי ינאי ברבי ישמעאל זאגט דריי קאסטינס וואס אין יעדער קאסטין איז גיוועזן פערציג מאס מיט פארין תפלין. אין א ברייתא האבען מיר גילערונט פערציג קאסטינס אין יעדער קאסטין איז גיוועזן דריי מאס מיט פארין תפלין. זאגט דיא גמרא רבה מיט רבי ינאי אונ מיט דיא ברייתא קריגען ניט: ווארום רבי ינאי מיט דיא ברייתא איז איין רעכענונג. אונ רבה מיט זייא קריגען אויך ניט. ווארום רבה שמועסט פון דיא תפלין וואס אויף דיא האנט. ווייל זייא זענען קליין דריבער איז פון זייא נאר דא פערציג סאה. אונ רבי ינאי מיט די ברייתא שמועסין פון דיא תפלין וואס אויף דעם קאפ. ווייל זייא זענען גרוים פאר געמען זייא דריי מאל פערציג סאה. רבי אסי זאגט פיר קבין מוח ומארך פון קאפ האט מען גיפונען אויף איין שטיין. רב כהנא זאגט אנדערע זאגין שילא בר מרי האט גיזאגט דאס ווייזען מיר פון דעם פסוק דו ניוויטע בבל וואוהל צוא דעם וואס וועט דיר בצאהלין פאר דעם שלעכן וואס דוא האסט אונז גיטאהן. וואול צוא דעם וואס וועט נעמען דיינע יונגע קינדער אונ וועט צוא שפאלטען זייער קאפ אויף דעם שטיין אזו וויא דוא האסט גיטאהן צוא דיא יודין. אין פסוק שטייט דיא

בפ״זא והאמרי דבי רבי שילא תרתי מתקלי איסתירי פיזי נחות בעלמא חדא ברומי וחדא בכולי עלמא אלא שהיו מגנין את הפז ביופיין מעיקרא הוו חשובי דרומאי נקטי בליוני דגושפנקא ומשמשי ערסי הו מכאן ואילך מייתי בני ישראל ואסרי בכרעי דפורייהו ומשמשי אמר ליה חד לחבריה הא היכא כתיבא א״ל (דברים כח) גם כל חלי וכל מכה אשר לא כתוב בספר התורה הזאת אמר כמה מרחקנא מדוכתא פלן אמר ליה אינגד פוסתא ופלגא א״ל אי מטאי לגביה לא איצטריכי לך. אמר רב יהודה אמר שמואל משום רבן שמעון בן גמליאל מאי דכתיב (איכה ג) עיני עוללה לנפשי מכל בנות עירי ארבע מאות בתי כנסיות היו בכרך ביתר ובכל אחד ואחד היו בה ת׳ מלמדי תינוקות וכל אחד ואחד היו לפניו ת׳ תינוקות של בית רבן וכשהיה אויב נכנס לשם היו דוקרין אותן בחוטריהן וכשגבר אויב ולכדום כרכום בספריהם והציתום באש:

באת״ר מעשה ברבי יהושע בן חנניא שהלך לכרך גדול שברומי א״ל תינוק אחד יש בבית האסורים

בחורבן בית ראשון: איסתרי. סלעים: שהיו מגנין את הפז ביופיין. וכיון המסולאים לשון סולו לרוכב לא הכולה נכתם אופיר מבוהקים היו ביופי מן הפז: בליוני דגושפנקא. צורות גלות שבחותמיהם כדי שתהא ניכרת כנגדן: כמה מרחיקנא מכהות הכתא. שלא הגעתי ללמוד אותו פסוק: איגד. מטען: פוסתא ופלגא. דף ותני: על

טייערע קינדער פון ציון המסלאים בפז. וואס מיינט מען המסלאים בפז. זאלין מיר זאגין מען מיינט זייא זענען געוועזן בדעקט מיט פז (טייערע גאלד) דבי רבי שילא האבען דאך גזאגט צוויי שטיקער פז אזוי גרויס וויא צוויי טאלער האט אראפ געגידערט אויף דער וועלט. איין שטיק איז געבליבען אין רוים. אונ איין שטיק איז געבליבען אין דיא גאנצע וועלט. וויא אזוי האבען געקענט זיין דיא קינדער בדעקט מיט פז. נאר מען מיינט דיא קינדער פון ציון זענען געוועזן אזוי שיין. אז זייא האבען פאר מיאוסט דעם פז. זייא זענען געוועזן שענער וויא פז. פריער איידער דער בית המקדש איז חרוב געווארין. פלעגין דיא גרויסע לייט פון רוים האלטען אין האנט פינגערלאך אונ אויף דיא פינגערלאך איז געוועזן שיינע צורות אונ דיא ווייבער פלעגין קוקען אויף די צורות ווען דיא מאנען פלעגין זייא בועל זיין. זייא זאלען האבען שיינע קינדער. נאך דעם חורבן פלעגין זייא ברייננגען יודישע קינדער אונ פלעגין זייא צוא בינדען בייא דיא פיס פון בעט. אונ דיא ווייבער פלעגין קוקען אויף דיא קינדער ווען דיא מאנען פלעגין זייא בועל זיין. זייא זאלין האבען אזעלכע שיינע קינדער וויא דיא יודישע זענען. דיא תלמידים פון רבי שילא האבען גזאגט איינער צום אנדערין וואו שטייט דיא שטראף אין דיא תורה. האט דער אנדערער גיענטפערט עס שטייט אין פסוק אלע קראנקייט אונ אלע מכות וואס עס שטייט ניט אין דער תורה וועט זיי אויך גאט ברייננגען אויף דיא יודין. נאר ווייל דאס איז אמיאוסע זאך דריבער שטייט דאס ניט אין דער תורה. האט דער חבר גזאגט וויא ווייט בין איך פון דעם פסוק. האט דער אנדערער גיענטפערט אביסעל. אבלאט מיט א האלבע בלאט: האט דער חבר גזאגט אז איך וואלט גיהאלטען ביי דעם פסוק וואלט איך דיך ניט גידארפט דוא זאלסט מיר זאגין. איך וואלט אויך גיוואוסט אזוי וויא דו. רב יהודה האט גזאגט פון שמואלס וועגין. אונ שמואל האט גזאגט פון רבן שמעון בן גמליאלס וועגין עס שטייט אין פסוק עיני עוללה לנפשי מכל בנות עירי. מיין אויג מאכט מיך פר מיאוסין פון וויינען מער פון אלע מיינע שטאט מענטשין. איך וויין מער וויא זייא אלע. וואדום פיר הונדערט שולען זענען גיוועזן אין די שטאט ביתר. אונ אין יעדער שוהל איז גיוועזן פיר הונדערט מלמדים. אונ יעדער מלמד האט גילערנט מיט פיר הונדערט תלמידים. אונ אז אשונא איז אריין גיקומען צו זייא אין שוהל האבען זייא אים צוא שטאכען מיט זייערע טייטלען. אונ אז דער פיינד האט זיך גישטארקט אונ האט זייא איין גינומען האט ער זייא איין גיוויקולט אין זייערע ספרים אונ האט זיי פר ברענט אין פייער. נאר איך בין געבליבען. אונ האב דאס אלץ גיזעהן דריבער וויין איך מער וויא אלע:

כא תנו רבנן. דיא רבנן האבען גילערנט עס האט אמאהל גיטראפען ברבי יהושע בן

האסורים יפה עינים וטוב רואי וקווצותיו סדורות לו תלתלים הלך ועמד על פתח בית האסורים אמר (ישעיה מב) מי נתן למשסה יעקב וישראל לבוזזים ענה אותו תינוק ואמר (שם) הלא ה' זו חטאנו לו ולא אבו בדרכיו הלוך ולא שמעו בתורתו אמר מובטחני בו שמורה הוראה בישראל העבודה שאיני זז מכאן עד שאפדנו בכל ממון שפוסקים עליו אמרו לא זז משם עד שפדאו בממון הרבה ולא היו ימים מועטים עד שהורה הוראה בישראל ומנו רבי ישמעאל בן אלישע. אמר רב יהודה אמר רב מעשה בבנו ובבתו של רבי ישמעאל בן אלישע שנשבו לשני אדונים לימים נזדווגו שניהם במקום אחד זה אמר יש לי עבד שאין כיפיו בכל העולם וזה אמר יש לי שפחה שאין בכל העולם כולו כיפיה אמרו בוא ונשיאם זה לזה ונחלק בולדות הכניסם לחדר זה ישב בקרן זוית זה וזו ישבה בקרן זוית זה זה אומר אני כהן בן כהנים גדולים אשא שפחה וזאת אומרת אני כהנת בת כהנים גדולים אנשא לעבד ובכו כל הלילה כיון שעלה עמוד השחר הכירו זה את זה ונפלו זה על זה וגעו בבכיה עד שיצאה נשמתם ועליהן קונן ירמיה (איכה א) על אלה אני בוכיה עיני עיני יורדה מים:

כב א"ר שמעון בן לקיש מעשה באשה אחת וצפנת בת פניאל שמה צפנת שהכל צופים ביפיה

חֲנַנְיָא אִיז גִינַאנְגֶען אִין אַגְרוֹסֶע שְׁטָאט אִין רוֹים. הָט מֶען אִים גְזָאגְט אַקִינְד זִיצְט אִין אַסְטְרָאג. אוּנ עֶר הָאט שֵׁיינֶע אוֹיגְן. אוּנ עֶר אִיז שֵׁיין גִיוַואקְסִין. אוּנ מִיט שֵׁיינֶע הָאר. אִיז רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ גִינַאנְגֶען אוּנ הָאט זִיךְ גִישְׁטֶעלְט בַּיי דִיא טִיר פוּן דֶעם אָסְטְרָאג. אוּנ הָאט גְזָאגְט דֶעם פָּסוּק וֶוער הָאט גִיגֶעבִּין יַעֲקֹב זָאל זַיין גִירוֹיבְּט. אוּנ יִשְׂרָאֵל זָאל זַיין גִירוֹיבְּט. הָאט דֶער קִינְד גִיעֶנְטְפֶערְט דָאס הָט גִיטָאהן גָאט וַוייל מִיר הָאבֶּען גֶעזִינְדִיגְט צוּא אִים. אוּנ דִיא יוּדִין הָאבֶּען נִיט גִיוָואלְט גֵיין אִין דִיא וֶועגִין פוּן גָאט. אוּנ זֵייא הָאבֶּען נִיט גִיהֶערְט זַיין תּוֹרָה: הָט רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ גְזָאגְט אִיךְ בִּין פַאר זִיכֶערְט אוֹיף דֶעם קִינְד אַז עֶר וֶועט פַּסְקֶנֶען שְׁאֵלוֹת בַּיי יוּדִין. אִיךְ שְׁוֶוער אִיךְ זָאל נִיט אַוֶועק גֵיין פוּן דַאנֶען בִּיז אִיךְ וֶועל אִים אוֹיס לֵייזִין פַאר וִויא פִיל גֶעלְט מֶען וֶועט גָאר וֶועלִין פַאר אִים. מֶען הָאט גְזָאגְט רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ אִיז טַאקִי נִיט אַוֶועק גִינַאנְגֶען פוּן דָארְט בִּיז עֶר הָאט אִים אוֹיס גִילֵייזְט פַאר פִיל גֶעלְט. אוּנ אִין אַקוּרְצֶע צַייט הָאט דֶער קִינְד גִיפַּסְקֶנְט שְׁאֵלוֹת בַּיי יוּדִין. דֶער קִינְד אִיז גִיוֶוען רַבִּי יִשְׁמָעֵאל בֶּן אֱלִישָׁע. רַב יְהוּדָה הָאט גְזָאגְט פוּן רַבְּם וֶועגִין אַזוּהן אוּנ אַטָאכְטֶער פוּן רַבִּי יִשְׁמָעֵאל בֶּן אֱלִישָׁע זֶענֶען גִיפַאנְגֶען גִיוָוארִין צוּא צְווייא גוֹיִם. אַמָאהל זֶענֶען דִיא צְוויי גוֹיִם צוּ זַאמֶען גִיקוּמֶען אוֹיף אֵיין אָרְט. דֶער גוֹי הָט גְזָאגְט אִיךְ הָאבּ אַקְנֶעכְט וָואס עֶס אִיז נִיטָא אִין דֶער גַאנְצֶער וֶועלְט אַמֶענְטְשׁ וָואס זָאל זַיין אַזוֹי שֵׁיין וִויא עֶר אִיז. אוּנ דֶער אַנְדֶערֶער גוֹי הָאט גְזָאגְט אִיךְ הָאבּ אַדִינְסְט וָואס עֶס אִיז נִיטָא אִין דֶער גַאנְצֶער וֶועלְט אַמֶענְטְשׁ וָואס זָאל זַיין אַזוֹי שֵׁיין וִויא זִיא אִיז: הָאבֶּען דִיא בֵּיידֶע גוֹיִם גְזָאגְט מִיר וֶועלִין חַתּוּנָה מַאכֶען דֶעם קְנֶעכְט מִיט דִיא דִינְסְט: אוּנ מִיר וֶועלִין אוּנְז צוּ טֵיילִין מִיט דִיא קִינְדֶער. הָאט מֶען גִיבְּרַאכְט דֶעם קְנֶעכְט מִיט דִיא דִינְסְט אִין אַבַּזוּנְדֶער שְׁטוּבּ. דֶער קְנֶעכְט אִיז גִיזֶעסִין אִין אֵיין ווִינְקוֹל: אוּנ דִיא דִינְסְט אִיז גִיזֶעסִין אִין אַנְדֶערִין ווִינְקוֹל. דֶער קְנֶעכְט הָט גְזָאגְט אִיךְ בִּין אַכֹּהֵן דֶער זוּהְן פוּן אַכֹּהֵן גָדוֹל. וֶועל אִיךְ נֶעמֶען אַדִינְסְט: אוּנ זִי הָאט גְזָאגְט אִיךְ בִּין אַטָאכְטֶער פוּן אַכֹּהֵן גָדוֹל. וֶועל אִיךְ נֶעמֶען אַקְנֶעכְט: אוּנ זֵייא הָאבֶּען בֵּיידֶע גִיוֵויינְט אַגַאנְצֶע נַאכְט. וִויא דֶער מָארְגִין שְׁטֶערִין אִיז אוֹיף גִיגַאנְגֶען. הָאבֶּען זֵייא דֶער קֶענְט אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערִין. אַז זֵייא זֶענֶען שְׁוֶועסְטֶער אוּנ בְּרוּדֶער. זֶענֶען זֵייא גִיפַאלֶען אֵיינֶער אוֹיף דֶעם אַנְדֶערִין. אוּנ זֵייא הָאבֶּען גֶעשְׁרִיגֶען אוּנ גִיוֵויינְט בִּיז זֵייעֶרֶע נְשָׁמוֹת זֶענֶען אַרוֹיס גִיגַאנְגֶען. אוּנ זֶענֶען גִישְׁטָארְבִּין. אוֹיף זֵיי הָט יִרְמְיָה הַנָּבִיא גִיקְלָאגְט אוֹיף דִי צְווייא מֶענְטְשִׁין ווֵיין אִיךְ מַיינֶע אוֹיגְן נִידֶערִין טְרֶערִין אַזוֹ וִויא וַואסֶער:

כב אָמַר. רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן לָקִישׁ הָאט גְזָאגְט אַאִשָּׁה וָואס הָאט גִיהֵייסֶען צָפְנַת בַּת פְּנִיאֵל.

ביפיה בת פניאל בתו של כ"ג ששימש לפני ולפנים שנתעלל בה שבאי כל הלילה למחר הלבישה שבעה חלוקים והוציאה למכרה בא אדם אחד שהיה מכוער ביותר א"ל הראני את יפיה א"ל ריקה אם אתה רוצה ליקח קח שאין כיפיה בכל העולם כולו א"ל אעפ"כ הפשיטה ששה חלוקין וז' קרעתו ותפלשה באפר אמרה לפניו רבש"ע אם עלינו לא חסת על קדושת שמך הגבור למה לא תחוס ועליה קונן ירמיה (ירמיה ו) בת עמי חגרי שק התפלשי באפר אבל יחיד עשי לך מספד תמרורים כי פתאום יבא השודד עלינו עליך לא נאמר אלא עלינו כביכול עלי ועליך [בא שודד]:

על כבוד שמך הגבור. והיך גבורתך: עלי ועליך. בשמי נתחלל כבך:
שוליא דנגרי הוה. לא היה רבו לתורה אלא רבו לאומנות של נגרים: שוליא. תלמיד: לוות. כרכ: קידם. הקדים:

כג אמר רב יהודה א"ר ס"ד (מיכה ב) ועשקו גבר וביתו איש ונחלתו מעשה באדם אחד שנתן עיניו באשת רבו ושוליא דנגרי הוה פעם אחת הוצרך רבו ללות א"ל שגר אשתך אצלי ואלונה לך שיגר אשתו אצלו שהה עמה שלשה ימים קידם ובא אצלו אמר ליה אשתי ששגרתי לך היכן היא א"ל אני פטרתיה לאלתר ושמעתי שהתינוקות נתעללו בה בדרך אמר לו מה אעשה אמר לו אם אתה שומע לעצתי גרשה

צָפְנַת הָאט מֶען אִיר גֶערוּפִין וַוייל אַלֶע הָאבֶּען גִיקוּקְט אוֹיף אִיר שֵׁיינְקֵייט. בַּת פְּנִיאֵל. דִיא טָאכְטֶער פוּן אַכֹּהֵן גָּדוֹל וָואס עֶר הָאט גִיטָאהן דִיא עֲבוֹדָה אִין קָדְשֵׁי קָדָשִׁים: הָאט אִיר אַגוֹי גִיפַאנְגֶען אוּנ הָאט מִיט אִיר מְזַנֶּה גִיוֶוען אַגַאנְצֶע נַאכְט צוּא מָארְגִין הָאט עֶר אִיר אָן גִיטָאהן זִיבֶּען קְלֵיידֶער אוּנ הָאט אִיר גֶעפִירְט אִין גַאס צוּם פַאר קוֹיפֶען. אִיז גִיקוּמֶען אַמֶענְטְשׁ וָואס אִיז גִיוֶוען זֵייעֶר מִיאוּס. אוּנ הָאט גִזָאגְט צוּם גוֹי וַוייז מִיר אִיר שֵׁיינְקֵייט. הָאט דֶער גוֹי גִזָאגְט צוּא אִים דוּא נַאר אוֹיבּ דוּא ווִילְסְט אִיר קוֹיפֶען קוֹיף. אַזוֹ שֵׁיין ווִיא זִיא אִיז. אִיז נִיטָא אִין דֶער גַאנְצֶער וֶועלְט. הָאט דֶער מִיאוּסֶער גִזָאגְט פוּן דֶעסְטְוֶועגִין ווִיל אִיךְ אִיר זֶעהְן. הָאט דֶער גוֹי אַרָאפּ גִיצוֹיגֶען פוּן אִיר זֶעקְס קְלֵיידֶער. אוּנ דִיא זִיבֶּעטֶע קְלֵייד הָאט זִיא אַלֵיין צֶערִיסֶען אוּנ זִיא הָאט זִיךְ גִיוָוארְפֶען אִין אַשׁ. אוּנ זִיא הָט גִזָאגְט פַאר גָאט רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אוֹיבּ דוּא הָאסְט אוֹיף אוּנְז נִיט רַחֲמָנוּת. פַאר וָואס זָאלְסְטוּ נִיט רַחֲמָנוּת הָאבֶּען אוֹיף דַיין הֵיילִיגֶען נָאמֶען דֶעם שְׁטַארְקִין. אוּנ אוֹיף אִיר הָאט גִיקְלָאגְט יִרְמְיָהוּ הַנָּבִיא מַיין פָאלְק טוּה אָן אַזַאק ווִיקוּל דִיךְ אַיין אִין אַשׁ. מַאךְ דִיר אַטְרוֹיעֶר ווִיא אוֹיף אַבֵּן יָחִיד וָואס שְׁטַארְבְּט. מַאךְ דִיר אַבִּיטֶערֶע קְלָאג. וָוארוּם פְּלוּצְלוּנג וֶועט קוּמֶען אַרוֹיבֶּער אוֹיף אוּנְז. עֶס שְׁטֵייט נִיט אוֹיף דִיר וֶועט קוּמֶן אַרוֹיבֶּער, נָאר עֶס שְׁטֵייט אוֹיף אוּנְז וֶועט קוּמֶען אַרוֹיבֶּער. כִּבְיָכוֹל אוֹיף גָאט אוּנ אוֹיף דִיא יוּדִין וֶועט קוּמֶען דֶער רוֹיבֶּער:

כג אָמַר: רַב יְהוּדָה הָט גִזָאגְט פוּן רַבְּם וֶועגִין עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק זֵייא הָאבֶּען גִירוֹיבְּט דֶעם מֶענְטְשׁ מִיט זַיין שְׁטוּבּ וּמִיט זַיין ווייבּ אוּנ דֶעם מֶענְטְשׁ מִיט זַיין אַרמֶעגִין. אַמֶענְטְשׁ הָט אַמָאהל גֶעאַרְבֵּייט בַּייא אַבַּעַל הַבַּיִת דֶער בַּעַל הַבַּיִת אִיז גִיוֶוען אַסְטָאלָארְז. אִיז אִים גִיפֶעלִין דִיא ווייבּ פוּן זַיין בַּעַל הַבַּיִת. אַמָאהל הָאט דֶער בַּעַל הַבַּיִת גִידַארְפְט בָּארְגִין גֶעלְט. הָאט דֶער אַרְבֶּעטֶער גִזָאגְט צוּם בַּעַל הַבַּיִת. שִׁיק דַיין ווייבּ צוּ מִיר וֶועל אִיךְ אִיר בָּארְגִין. דֶער בַּעַל הַבַּיִת הָאט גֶעשִׁיקְט דִיא ווייבּ צוּם אַרְבֶּעטֶער אוּנ דֶער אַרְבֶּעטֶער הָאט אִיר פַאר הַאלְטֶען בַּייא זִיךְ דְרַיי טָאג. אוֹיף דֶעם פֶערְטִין טָאג אִיז דֶער בַּעַל הַבַּיִת אוֹיף גִישְׁטַאנֶען גַאנְץ פְרִיא אוּנ אִיז גִיגַאנְגֶען צוּם אַרְבֶּעטֶער אוּנ פְרֶעגְט בַּיי אִים וואו אִיז מַיין ווייבּ וָואס אִיךְ הָאבּ צוּ דִיר גֶעשִׁיקְט: הָאט דֶער אַרְבֶּעטֶער גִזָאגְט אִיךְ הָאבּ אִיר בַּאלְד אַוֶועק גֶעשִׁיקְט מִיט גֶעלְט. נָאר אִיךְ הָאבּ גִיהֶערְט אַז יוּנְגֶע מֶענְטְשִׁין הָאבְּען מִיט אִיר מְזַנֶּה גִיוֶוען אִין וֶועג. זָאגְט דֶער בַּעַל הַבַּיִת וָואס זָאל אִיךְ טָאהן. הָאט דֶער אַרְבֶּעטֶער גִזָאגְט אוֹיבּ דוּא וֶועסְט פָאלְגִין מַיין עֵצָה גֶט אִיר; הָאט דֶער בַּעַל הַבַּיִת גִזָאגְט זִיא הָאט אַגְרוֹיסֶע כְּתוּבָּה. הָאט דֶער אַרְבֶּעטֶער גִזָאגְט אִיךְ וֶועל דִיר

גרשה א"ל כתובת? מרובה א"ל אני אלוף ותן לה כתובתה עמד זה וגרשה הלך הוא ונשאה כיון שהגיע זמנו ולא היה לו לפורעו א"ל בוא ועשה עמי בהובך והיו הם יושבים ואוכלים ושותין והוא היה עומד ומשקה עליהם והיו דמעות נושרות מעיניו ונופלות בכוסיהם ועל אותה שעה נתחתם גזר דין ואמרי לה
על שתי פתילות בנר אחד:

(דף נט) **כד אמר** רבה בריה דרבא ואיתימא רבי הלל בריה דרבי וולס מימות משה ועד רבי לא מצינו תורה וגדולה במקום אחד ולא והא הוה יהושע הוה אלעזר והא הוה אלעזר הוה פנחס והא הוה פנחס הוו זקנים והא הוה שאול הוה שמואל והא נח נפשיה כולהו שני קאמרי והא הוה דוד הוה עירא היאירי והא נח נפשיה כולהו שני קאמרינן והא הוה שלמה הוה שמעי בן גרא. והא קטליה כולהו שני קאמרינן

שתי פתילות בנר אחד. אשת חיש :
במקום אחד. שתהא תורתם וגדולתם של ישראל במקום אחד שאין בישראל גדול בתורה ובעושר כמותו : והא הוה אלעזר. יחיד לאחר שנפטר יהושע: והא הוה פנחס. לאחר אלעזר תורה וגדולה שהיה כה"ג אחר אביו : הוו זקנים. שקבלו מיהושע והאריכו ימים אחריו כדכתיב אשר האריכו ימים אחרי יהושע : שאול. גדול בתורה היה אלא שלא למד לאחרים כדאמרינן בעירובין שאול לא גלי מסכתא להכי כתיב ביה בכל אשר יפנה ירשיע : והא נח נפשיה. דשמואל קודם שאול : כולהו שני. משעמד בגדולה הא תורה וגדולה במקום אחד וזה בתחלת גדולתו לא היה יחיד בתורה : עירא היאירי. גדול בתורה היה כדאמרינן במ"ק דכוס

פארגין געלט אונ גיב איר די כתובה. האט דער בעל הבית איר גיגט. אונ דער ארבעטער האט מיט איר החתונה גיהאט. וויא עס איז גיקומען די צייט וואס דער בעל הבית האט גידארפט בצאהלין דעם חוב צום ארבעטער. אונ דער בעל הבית האט ניט גיהאט צו בצאהלין. הט דער ארבעטער גזאגט צום בעל הבית קום ארבעט ביי מיר פאר דעם חוב. דער ארבעטער מיט זיין ווייב זענען גיזעסין אונ האבען גיגעסין אונ גיטרונקען. אונ דער בעל הבית האט גימוזט שטיין אונ זייא בעדינען אונ דער לאנגען צום טרינקען. אונ די טרערין זענען גיפאלען פון זיינע אויגען אין זייער טרינקען. אויף דער צייט איז גיחתמת גיווארין דער גזר דין צו שרעקין אויף די יודין. אנדערע זאגין דער גזר דין איז גיחתמת גיווארין ווייל עס זענען גיוועזן צוויי קנייטלאך אין איין לעכט. איין ווייב הט גיהאט צוויי מאנען:

כד אמר. רבה דער זוהן פון רבא האט גיזאגט. אנדערע זאגין רבי הלל דער זוהן פון רבי וולס האט גזאגט פון משה רבינו ביז רבי געפינט מען ניט עס זאל זיין בייא איין מענטש תורה אונ רייכקייט. עס זאל ניט זיין צווישען אלע יודין קיין גרעסערער פון איהם אין תורה אונ ניט אין רייכקייט. פרעגט די גמרא עס איז דאך גוועזן יהושע וואס בייא איהם איז גיוועזן תורה אונ רייכקייט. איז גיוועזן אלעזר וואס ביי איהם איז אויך גיוועזן תורה אונ רייכקייט. איז דאך יהושע ניט גוועזן איינער. פרעגט די גמרא דער נאך וויא יהושע איז גישטארבין איז דאך גיוועזן אלעזר איינער. איז אבער גיוועזן פינחס וואס ביי איהם איז אויך גיוועזן תורה אונ רייכקייט. פרעגט די גמרא דער נאך וויא אלעזר איז גישטארבין: איז דאך גיוועזן פינחס איינער. זענען אבער גיוועזן די זקנים בייא זייא איז אויך גיוועזן תורה אונ רייכקייט. פרעגט די גמרא בייא שאול המלך איז דאך גיוועזן תורה אונ רייכקייט צוא זאמען. איז דאך גיוועזן שמואל הנביא. בייא איהם איז אויך גוועזן תורה אונ רייכקייט. פרעגט די גמרא שמואל איז דאך גשטארבין פאר שאול. איז דאך שאול געבליבען איינער. ענפערט די גמרא מען מיינט ער זאל זיין איינער מיט תורה אונ רייכקייט זיין גאנץ לעבין: אונ שאול איז דאך גוועזן איינער נאר זיינע לעצטע יאהרין: פרעגט די גמרא ביי דוד המלך איז דאך גוועזן תורה אונ רייכקייט צו זאמען: ענפערט די גמרא איז דאך גיוועזן עירא היאירי. בייא איהם איז אויך גוועזן תורה אונ רייכקייט. פרעגט די גמרא עירא היאירי איז דאך גשטארבין. איז דאך געבליבען דוד אליין. ענפערט די גמרא מען מיינט ער זאל זיין איינער מיט תורה אונ רייכקייט זיין גאנץ לעבין. אונ דוד איז דאך גוועזן איינער נאר זיינע לעצטע יאהרין. פרעגט די גמרא ביי שלמה המלך איז דאך גוועזן תורה אונ רייכקייט צו זאמען. ענפערט די גמרא איז דאך גוועזן שמעי בן גרא.

קאמרינן . והא הוה חזקיה הוה שבנא . הא איקטיל כולהו שני קאמרינן . והא הוה עזרא הוה נחמיה בן חכליה א"ר אחא בריה דרבא אף אני אומר מימות רבי ועד רב אשי לא מצינו תורה וגדולה במ"א ולא והא הוה הונא בר נתן שאני הונא בר נתן דמיכף הוה כייף ליה לרב אשי :

(מ"כ י) **כה ויאמר** לאשר על המלתחה וגו' מאי מלתחה א"ר אבא בר יעקב [אמר ר' יוחנן] דבר הנמלל ונמתח :

כו משנה אלו דברים אמרו מפני דרכי שלום כהן קורא ראשון ואחריו לוי ואחריו ישראל מפני דרכי שלום : **גמ'** (ע"ב) מה"מ אמר רב מתנה דאמר קרא (דברים לא) ויכתוב משה את התורה הזאת ויתנה אל הכהנים בני לוי אטו אנן לא ידעינן דכהנים בני לוי נינהו אלא כהן ברישא והדר לוי. ועוד האריכו בראיות מפסוקים :

כז תנא דבי ר' ישמעאל (ויקרא כא) וקדשתו לכל דבר שבקדושה לפתוח ראשון ולברך ראשון ולטול

פירוש

מתני להו לרבנן על גבי כרים וכסתות : חזקיה. מלך יהודה גדול בתורה היה כדאמרינן בחלק : שבנא. גדו בתורה היה כדאמרינן בסנהדרין שבנא הוה דריש בהליסר רבוותא חזקיה בחד סרי רבוותא : הא איקטיל. סנחריב הרגו כדאמרי' (בזה בורר) : ויאמר לאשר על המלתחה. ביהוא כתיב : דבר הנמלל ונמתח. בגדי פשתן הם שהוטן נמתח ע"י מלילה שמולל באצבעותיו כשהוא טוה :

כהן קורא ראשון וכו'. כי היכי דלא ליתו לאינצויי הקינו להו רבש הא כידלא דכיון דתקנתא דרבנן היא תו לא מנין לבמויי ולמימר אנא קרינא ברישא :

ויתנה. שיקראו בה כהנים והדר בני לוי :

וקדשתו. כי את לחם וגו' : לפתוח ראשון. לכל דבר כבוד בין בתורה בין בישיבה כוא

ביא איהם איז אויך גוועזן תורה אונ רייכקייט : פרעגט דיא גמרא שלמה האט דאך געהרגת דעם שמעי בן גרא . ענטפערט דיא גמרא מען מיינט ער זאל זיין איינער מיט תורה אונ רייכקייט זיין גאנץ לעבין . אונ ביז שלמה האט געהרגת דעם שמעי איז ער דאך ניט געוועזן איינער . פרעגט דיא גמרא ביי חזקיה המלך איז דאך געוועזן תורה אונ רייכקייט צו זאמען . ענטפערט די גמרא איז דאך געוועזן שבנא . ביי איהם איז אויך געוועזן תורה אונ רייכקייט : פרעגט דיא גמרא מען האט דאך געהרגת דעם שבנא . ענטפערט דיא גמרא מען מיינט ער זאל זיין איינער מיט תורה אונ רייכקייט זיין גאנץ לעבין . אונ ביז מען האט געהרגת דעם שבנא איז דאך חזקיה ניט געוועזן איינער . פרעגט דיא גמרא ביי עזרא הסופר איז דאך געוועזן תורה אונ רייכקייט צו זאמען . ענטפערט דיא גמרא עזרא איז ניט געוועזן איינער . ווארום עס איז געוועזן נחמיה בן חכליה ביא אים איז אויך געוועזן תורה אונ רייכקייט צו זאמען . רב אחא בריה דרבא זאגט איך וועל אויך זאגין פון רבי ביז רב אשי געפינט מען ניט תורה מיט רייכקייט ביי איינעם . פרעגט דיא גמרא ביי הונא בר נתן איז דאך געוועזן תורה מיט רייכקייט צו זאמען : ענטפערט דיא גמרא הונא בר נתן איז געוועזן אונטערטעניג אונטער רב אשי :

כה ויאמר . אין פסוק שטייט יהוא האט געזאגט צו דעם וואס האט צו שאפין איבער די מלתחה . וואס איז מלתחה . האט רבי אבא בר יעקב געזאגט פון רבי יוחנן ווענין דאס מיינט מען פלאקסענע קליידער . ווען מען שפינט די פאדים רייבט מען דעם פאדים צווישען די פינגער אנ מען ציהט איהם אויס ער זאל זיין לאנג ומלתחה איז צוויא ווערטער . מל . רייבין תחה . ציהען

כו משנה : אלו . דיא זאכין האבין דיא חכמים געזאגט פון וועגין עס זאל זיין שלום : ווען מען לייענט אין דיא ספר תורה . דעם ערשטין זאל מען אויף רופין א כהן . דעם אנדערין א לוי . דעם דריטען א ישראל . מען זאל ניט קריגען אין שוהל עדער וועט זאגין מען זאל מיך אויף רופין דעם ערשטין . זאגט דיא גמרא פון וואנען ווייסין מיר אז אזוי דארף מען לייענען : האט רב מתנה געזאגט עס שטייט אין פסוק משה האט געשריבען די תורה אונ האט זיא געגעבין צו דיא כהנים די קינדער פון לוי . ווייסין מיר דען ניט אז דיא כהנים זענין דיא קינדער פון לוי . נאר משה האט געגעבין דיא תורה פריער זאל אין איהר לייענען דער כהן אונ דער נאך דער לוי :

כז תנא . דבי רבי ישמעאל האט געלערנט . עס שטייט אין פסוק וקדשתו דוא זאלסט

ולישול מנה יפה ראשון א"ל אביי לרב יוסף מפני דרכי שלום דאורייתא היא א"ל דאורייתא ומפני דרכי שלום כל התורה כולה נמי מפני דרכי שלום היא דכתיב (משלי ג) דרכיה דרכי נעם וכל נתיבותיה שלום אלא אמר אביי לכדמר דתניא ב' ממתינין זה לזה בקערה שלשה אין ממתינין הבוצע הוא פושט ידו תחלה וכו':

(דף ס) **כח רבי** יוחנן ור"ל מעייני בספרי דאגדתא בשבתא [והא לא ניתן ליכתב אלא כיון דלא איפשר (תהלים קיט) עת לעשות לה' הפרו תורתך וכו'. אין כותבין איתיביה אף היא עשתה טבלא של זהב שפרשת סוטה כתובה עליה אר"ל משום ר' ינאי באל"ף בי"ת] א"ר יוחנן משום רבי בנאה התורה מגלה מגלה ניתנה שנאמר (שם מ) אז אמרתי

ידבר ברחש: ולברך ראשון. בסעודה: וליטול מנה יפה ראשון: אם בא לחלוק עם ישראל בכל דבר לאחר שיחלקו בשוה אומר לו ברור וטול אתה מה שתרצה: א"ל דאורייתא הוא. והתורה אמרה כן משום דרכי שלום: אלא אמר אביי. דרכי שלום דקתני מתני': לכדמר. [אתא] רבה בר נחמני שהיה רבו: אין ממתינין. אין צריכין להמתין: הבוצע. כגון בעל הבית שהוא מברך המוציא ואפי' הוא קטן: הוא פושט ידו. בקערה תחלה לגפת בו את פרוסת המוציא:

[והא לא ניתן ליכתב. שום דבר גמרא והלכה ואגדה כדאמרינן לקמן אלה אתה כותב וכו': כיון דלא אפשר. מלכתוב שנשתכח הלב והתורה משתכחת: עת לעשות לה'. אם בא עת לעשות תקנה לשם שמים הפרו דברי תורה לשעה שצריכה: אף היא. הילני המלכה במס' יומא: פרשת סוטה. לכתוב משם פרשיות לסוטות הבאות: באל"ף בי"ת. כלומר ראשי תיבות]: אז אמרתי. כך אמר דוד אז אמרתי כשערערו עלי שאול ודואג לפוסלני מלבוא בקהל והועד בבהמ"ד עמוני ולא עמונית כדאמרי' ביבמות: הנה באתי. עכשיו באתי לגלל:

הייליגען דעם כהן. צו יעדער זאך וואס עס איז נאר אפֿבוד: זאל זיין דער כהן דער ערשטער: אז עס זיצען אפארזאמלונג מענטשין: זאל דער כהן זיין דער ערשטער צום רייזן. ביא אסעודה זאל דער כהן בענטשין אויף דעם כוס. אויב אכהן מיט אלוי אדער מיט אישראל האבען שותפות אזאך. זאל מען דיא זאך צו טיילען גליך: אונ דער ישראל אדער דער לוי זאגט צום כהן נעם דוא צוא ערשט וועלכין חלק דוא ווילסט: האט אביי גזאגט צו רב יוסף פר וואס זאגט דיא משנה אז פון שלום וועגין איז דער כהן דער ערשטער. דיא תורה זאגט דאך אז דער כהן זאל זיין דער ערשטער צוא יעדער זאך. אזו וויא רבי ישמעאל האט גילערונט פון וקדשתו. הט רב יוסף גזאגט דיא תורה האט טאקי גזאגט דער כהן זאל זיין דער ערשטער: נאר פאר וואס האט דאס דיא תורה גזאגט: עס זאל זיין שלום. האט אביי גזאגט אלע מצות פון די גאנצע תורה איז דאך נאר פון שלום וועגין. אזו וויא עס שטייט אין פסוק דיא וועגין פון דיא תורה וועגען זיס: אונ אירע אלע וועגין ברייענגען שלום. האט אביי גזאגט דיא משנה מיינט אזו וויא רבה הט גזאגט. וואָרום מיר האבען גילערונט אז צוויי עסין פון איין שיסל. זאל ווארטען איינער אויף דעם אנדערין. אז דריי עסין פון איין שיסל. דארפין זיי ניט ווארטען איינער אויף דעם אנדערין. דער וואס הט גימאכט המוציא זאל ער פריער אן הייבען עסין פון דיא שיסל. דער נאך זאגט דיא גמרא ווייטער אזו מיינט דיא משנה וואס דער כהן לייענט צו ערשט דאס האט דיא תורה גיהייסען פון וקדשתו. אונ וואס עס שטייט מפני דרכי שלום מיינט מען דער כהן טאר ניט מכבד זיין אין אנדערין. פון שלום וועגין. וואָרום מען וועט זיך קריגען. יעדער וועט וועלין דער כהן זאל אים מכבד זיין:

כח רבי יוחנן אונ ריש לקיש האבען גילערונט שבת אין דעם ספר אגדתא. פרעגט דיא גמרא מען טאר דאך ניט שרייבען קיין גמרא אונ קיין אגדתא. נאר וייל מען קען ניט גידיינקין אויס ווייניג. וועט דיא תורה פאר געסין ווערין. דריבער מעג מען שרייבען. אזו וויא עס שטייט אין פסוק אז עס קומט אצייט וואס מען דארף טאהן פון גאטס וועגין מעג מען שטערין אדין פון דער תורה. פרעגט די גמרא מען טאר ניט שרייבען. מיר האבען דאך גילערונט הילני המלכת האט גימאכט אגאלדענע בלעך וואס אויף איר איז גיווען געשריבען דיא פרשה פון דער סוטה: האט ריש לקיש גזאגט פון רבי ינאים וועגין עס איז גיווען געשריבען מיט אותיות. יעדער אות איז גיווען אאנהייב ווארט. אונ מען האט פון דעם אות גילייענט אגאנצען ווארט. רבי יוחנן הט גזאגט פון רבי בנאהס וועגין דיא תורה איז גיגעבין גיווארין בּיסלאכווייז: מען האט אפ

אמרתי הנה באתי במגלת ספר כתוב עלי רשב"ל אומר תורה חתומה ניתנה שנאמר (דברים לא) לקוח את ספר התורה הזה ואידך נמי הכתיב לקוח ההוא לבתר דאדבק ואידך גמי הכתיב במגלת ספר כתוב עלי ההוא דכל התורה כולה אק־י מגלה דכתיב (זכריה ה) ויאמר אלי מה אתה רואה ואומר אני רואה מגלה עפה אי נמי לכדרבי לוי דאר"ל ח' פרשיות נאמרו ביום שהוקם בו המשכן אלו הן. פרשת כהנים. ופרשת לוים. ופרשת טמאים. ופרשת שלוח טמאים. ופרשת

כתוב עלי. מאז ניתן התורה הוזכרתי בה ואת שתי בנותיך הנמצאות בזכות דוד שעתיד לצאת מרות המואביה ונעמה העמונית אמו של רחבעם כתיב הכא הנמצאות וכתיב התם מצאתי דוד עבדי אלמא מגלה איקראי משום דמתחלה נכתבה מגלת בראשית והדר מגלת נח והדר מגלת אברהם והיינו דקאמר במגלת אברהם כתוב עלי: חתומה. גמורה מסויימת ושלמה: א"נ לכדר' לוי. איקראי מגילה אותן שמונה פרשיות שהוצרכו ליום נאמרו ונכתבו ונמסרו בו ביום ונכתבה כל אחת במגלה לבדה לפי שמובדלות ורחוקות זו מזו הלכך קרי לס"ת נמי מגילה משום דכשחזר והשלימה הוצרך לכתוב מבראשית עד פרשת כהנים לבד ודילג פרשת כהנים הכתובה כבר וכתב מפרשת כהנים עד פרשת שילוח טמאים וכן כולם: פרשת כהנים. אמור אל הכהנים שהלכות כהנים כתובות בה לא יטמא לא יקח מום בו לא יגש ומפני שבו ביום הוזקקו לעבודה הוצרכו להודיעם: פרשת לוים. קח את הלוים דבהעלותך שבה הלכות לוים וי"א ואל הלוים תדבר ואינו כן כי מה ענין אצל הקמת המשכן דמעשר ראשון לא נהג עד סוף כ"ד שנה ועוד פרשת מעשר איקרי: פרשת לוים. הוצרכו לבו ביום שהוזקקו לשיר: פרשת טמאים. ויהי אנשים אשר היו טמאים לנפש אדם משום הלכות הפסח והמשכן הוקם באחד בניסן והוזהרו להם פרשת שלוח טמאים וישלחו מן המחנה שבו ביום הוקבע ג' מחנות מחנה שכינה מחנה לויה ומחנה ישראל והוזקקו להשתלח ומתוך כך הוזקקו טמאים לישאל הואיל וצריכין שלוח ולא יוכלו ליכנס למשכן היאך יעשו פסחיהם וגו' לפי יכולים היו ליטהר עד ט"ו ולא נזקקו לפסח שני אלא אם כן לא יטהרו: ופרשת שלוח טמאים. וישלחו מן המחנה שבאותו היום הוקבעו המחנות ושנגללין הפרוכת בכל סלוק

גֶעשְׁרִיבֶּען דִיא סֶדְרָה בְּרֵאשִׁית אוּנ מֶען הָאט אִיר גֶיגֶעבִּין צוּא דִיא יוּדִין. דֶער נָאךְ דִיא סֶדְרָה נֹחַ. דֶער נָאךְ דִיא סֶדְרָה לֶךְ: אוּנ אַזוֹי וַויישֶער בִּיז דִיא גַאנְצֶע תּוֹרָה. אַזוֹי וִויא עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק דָוִד הַמֶּלֶךְ הָאט גְזָאגְט בַּייא דֶער צַייט וֶוען מֶען הָאט גְזָאגְט אוֹיף מִיר אַז אִיךְ טָאר נִיט קוּמֶען צְווִישֶׁען יוּדִין. וַוייל אִיךְ בִּין גִיבָּארִין פוּן מוֹאָב. הָאבּ אִיךְ דַאמָאלְס גְזָאגְט אִיךְ בִּין גִיקוּמֶען מִיט אַמְגִלָּה וּמִיט אַסֶדְרָה פוּן חוּמָשׁ. מִיט דִי סֶדְרָה לֶךְ׃ וָואס דָארְט אִיז גֶעשְׁרִיבֶּען אוֹיף מִיר. וָוארוּם עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק וְאֶת שְׁתֵּי בְּנוֹתֶיךָ הַנִּמְצָאוֹת. דַיינֶע צְוֵויא טֶעכְטֶער וָואס וֶוערִין גִיפוּנֶען׃ אוּנ בַּייא דָוִד שְׁטֵייט מָצָאתִי דָוִד עַבְדִי. אִיךְ הָאבּ גִיפוּנֶען מַיין קְנֶעכְט דָוִד. וְוא הָאבּ אִיךְ אִים גִיפוּנֶען אִין סְדוֹם בַּייא דִיא טֶעכְטֶער פוּן לוֹט. אוּנ וַוייל דָאס אִיז גִיוֶועזֶען פוּן גָאט אַז אִיךְ זָאל גִיבָּארִין וֶוערִין פוּן מוֹאָב. גֶעווִיס מֶעג אִיךְ קוּמֶען צְווִישֶׁען יוּדִין. אוּנ וַוייל דָוִד הָאט גִבְּרֵיינְגְט נָאר אֵיין סֶדְרָה אִיז דָאךְ דִיא תּוֹרָה גִוֶועזֶען יֶעדֶער סֶדְרָה בַּאזוּנְדֶער. רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן לָקִישׁ זָאגְט דִיא תּוֹרָה אִיז אָפּ גֶעשְׁרִיבֶּען גִיוָוארִין אִין גַאנְצִין. דֶער נָאךְ אִיז זִיא גִיגֶעבִּין גִיוָוארִין צוּ דִיא יוּדִין׃ וָוארוּם עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק מֶען זָאל נֶעמֶען דִיא סֵפֶר תּוֹרָה מֵיינְט מֶען אַגַאנְצֶע סֵפֶר תּוֹרָה׃ פְרֶעגְט דִיא גְמָרָא אוֹיף רַבִּי בְּנָאָה עֶס שְׁטֵייט דָאךְ מֶען זָאל נֶעמֶען דִיא סֵפֶר תּוֹרָה. עֶנְטְפֶערְט דִיא גְמָרָא דֶער פָּסוּק שְׁמוּעֶסְט דֶער נָאךְ וִויא מֶען הָאט צוּא זַאמֶען גִינֵייט אַלֶע סֶדְרוֹת אוּנ עֶס אִיז גִיוָוארִין אַגַאנְצֶע סֵפֶר תּוֹרָה. אִיז דָאךְ אַקַשְׁיָא אוֹיף רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן לָקִישׁ וָואס דָוִד הָאט גְזָאגְט בִּמְגִלַּת סֵפֶר. עֶנְטְפֶערְט דִיא גְמָרָא דִיא גַאנְצֶע תּוֹרָה וֶוערְט אוֹיךְ גִירוּפִין מְגִלָּה. אַזוֹי וִויא עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק זְכַרְיָה הַנָּבִיא הָאט גְזָאגְט דֶער מַלְאָךְ הָאט גְזָאגְט צוּ מִיר וָואס זֶעהְסְטוּ. הָאבּ אִיךְ גְזָאגְט אִיךְ זֶעה הַמְגִלָּה צוּ זַאמֶען גִילֵייגְט. אוּנ דָאס מֵיינְט מֶען דִיא תּוֹרָה. אָדֶער מֶען מֵיינְט אַזוֹי וִויא רַבִּי לֵוִי הָאט גְזָאגְט דֶעם טָאג וָואס דֶער מִשְׁכָּן אִיז אוֹיף גִישְׁטֶעלְט גִיוָוארִין. זֶענֶען גְזָאגְט גִיוָוארִין אַכְט פַּרְשִׁיּוֹת פוּן דִיא תּוֹרָה. אוּנ וַוייל דִיא פַּרְשִׁיּוֹת זֶענֶען וַוייט אֵיינֶע פוּן דִיא אַנְדֶערֶע. הָאט מֶען גֶעשְׁרִיבֶּען יֶעדֶער פַּרְשָׁה אוֹיף אַבַּזוּנְדֶער פַּארְמֶעט׃ דְרִיבֶּער וֶוערְט גִירוּפֶען יֶעדֶער פַּרְשָׁה מְגִלָּה. אוּנ אַז מֶען הָאט דֶער נָאךְ דֶער שְׁרִיבֶּען דִיא אִיבֶּערִיגֶע תּוֹרָה. הָאט מֶען דָאךְ אוֹיךְ גִימוּזְט שְׁרַייבֶּען שְׁטִיקֶער וַוייז׃ וָוארוּם דִיא אַכְט פַּרְשִׁיּוֹת הָאט מֶען דָאךְ שׁוֹין נָאךְ אַמָאהל נִיט גֶעשְׁרִיבֶּען. אִיז אוֹיס גִיקוּמֶען אַז דִיא גַאנְצֶע תּוֹרָה אִיז גֶעשְׁרִיבֶּען גִיוָוארִין בַּזוּנְדֶערֶע שְׁטִיקֶער. דְרִיבֶּער וֶוערְט דִיא גַאנְצֶע תּוֹרָה גִירוּפֶען מְגִלָּה. אֲפִילוּ דֶער נָאךְ וִויא זִיא אִיז שׁוֹין בַּהֶעפְט גִיוָוארִין. דָאס זֶענֶען דִיא אַכְט פַּרְשִׁיּוֹת. דִיא פַּרְשַׁת כֹּהֲנִים (דָאס אִיז אֱמֹר אֶל הַכֹּהֲנִים). דִיא פַּרְשַׁת לְוִיִּם (דָאס אִיז קַח אֶת הַלְוִיִּם וָואס שְׁטֵייט אִין דִיא סֶדְרָה בְּהַעֲלוֹתְךָ). דִיא פַּרְשַׁת טְמֵאִים (דָאס אִיז וַיְהִי אֲנָשִׁים אשר

ופרשת אחרי מות. (ע"ג) ופרשת שתויי יין. ופרשת נרות. ופרשת פרה אדומה. אמר ר' אלעזר תורה רובה בכתב ומעוטה על פה שנאמר (הושע ח) אכתב לו רובי תורתי כמו זר נחשבו ור' יוחנן אמר רובה על פה ומעוטה בכתב שנאמר (שמות לד) כי על פי הדברים האלה ואידך נמי הכתיב אכתב לו רובי תורתי ההוא אתמוהי קא מתמה אכתב לו רובי תורתי והלא כמו זר נחשבו ואידך נמי הכתיב כי ע"פ הדברים האלה ההיא משום דתקיפו למיגמרינה. דרש רבי יהודה בר נחמני מתורגמני' דרשב"ל כתיב כתב לך את הדברים האלה וכתיב כי על פי הדברים האלה הא כיצד דברים שבכתב אי אתה רשאי לאמרם על פה ודברים שבע"פ אי אתה רשאי לאמרם בכתב [דבי] ר' ישמעאל תנא אלה אלה אתה כותב ואי אתה כותב הלכות.
אמר

מטעות הותרו זבין ומצורעים ליכנס לשם: ופרשת אחרי מות. אע"פ שהיא של יה"כ בו ביום נאמרה כדכתיב אחרי מות ומפני שמתו בני אהרן בשביל ביאה שלא לצורך נאמרה אותה אזהרה לאהרן ואל יבא בכל עת אל הקדש: ופרשת שתויי יין. לפי שמאותו היום ואילך נאסרו דהא בביאת אהל מועד תלה רחמנא. ופרשת נרות. בהעלותך לפי שבו ביום התחילו להדליק: ופרשת פרה אדומה. לפי שביום המחרת נשרפה הפרה להיות נטהרים לפסחיהם וקודם לכן לא יכלו לעשותה דבעינן והזה אל נכח פני אהל מועד דהכי אמרינן במסכת מגלה ירושלמית באחד בניסן הוקם המשכן ובשני בו נשרפה הפרה: רובה בכתב. רוב התורה תלויה במדרש הכתוב ללמדה בכלל ופרט וגזרה שוה ושאר מדות שהתורה נדרשת בהם: ומיעוטה על פה. שאין רמז ללמוד לה בתורה אלא למשה נאמרה על פה: כי על פי וגו'. על שבעל פה נכרת ברית אלמא איהי הוהי רובה: אתמוהי קמתמה. וכי רובי תורתי היה לי לכתוב להם והלא באותם שכתבתי להם כמו זר נחשבו: כתיב כתב לך את הדברים האלה. אלמא נכתבה: וכתיב על פי הדברים האלה. אלמא לא נכתבה: דברים. שאמרתי לך בכתב אי אתה רשאי למוסרה לישראל ע"פ: ודברים שבע"פ אי אתה רשאי

דריבער איז אויף איהם אויף גנאנגען שלמנסר. האט רב גזאגט צו רב כהנא און רב אסי די היטערס וואס ירבעם האט געזעצט אויף די וועגין צו היטען די יודין זאלין ניט גיין אויף יום טוב אין ירושלים. האט הושע זיי צו גנומען פון די וועגין. און ער האט גזאגט ווער עס וויל קען גיין אין ירושלים: פון דעסט וועגין האבין דאך יודין ניט געוואלט גיין אין ירושלים אויף יום טוב, האט גאט גזאגט די יאהרין וואס יודין זענין ניט אויף גאנגען אויף יום טוב אין ירושלים זאלין זייא גיין גפאנגען אין גלות. רב חסדא האט גזאגט פון מר עוקבאס וועגין. אנדערע זאגין רב חסדא האט גזאגט פון רבי ירמיהס וועגין. מרימר האט גדרשנט עס שטייט אין פסוק גאט האט גאיילט אויף די שלעכץ און ער האט זיא גבראכט אויף אונז וואָרום גאט איז אצדיק. איז דאך די קשיא ווייל גאט איז אצדיק דריבער האט גאט גיאיילט אויף די שלעכץ און האט זי גבראכט אויף אונז: נאר גאט האט גמאכט אצדקה מיט די יודין. וואס ער האט פאר טריבען דעם מלך צדקיהו מיט די איבעריגע יודין אין בבל. ווען דער מלך יכניה מיט זיינע פארטריבענע זענען נאך גוועזען אין בבל. וואָרום ביי די פאר טריבענע פון יכניה שטייט דער חרש און דער מסגר זענען גוועזען טויזענד. חרש הט מען זייא גירופען ווייל ווען זייא האבען אן גיהויבין צו דרשנען זענען אלע גיווארין וויא טויב און וויא שטום ועיין פ"ק דתעניתו. זייא האבין ניט גיוואוסט וואס צו ענפערין. מסגר הט מען זייא גירופען אז זייא האבין פאר שלאסין א דין און האבען ניט גיוואוסט וואס צו ענפערין. האט שוין קיינער ניט גיוואוסט צו ענפערין. זיי זענען גיוועזען טויזענד. און ווייל זייא זענען גיוועזען גרויסע לומדים און חכמים דריבער האט גאט גיאיילט צו פאר טרייבין די איבעריגע יודין אין בבל. דער חרש והמסגר זאלין לערנען תורה מיט די אלע יודין. דס איז די צדקה וואס גאט הט גיטאהן מיט די יודין. עולא זאגט דס איז גיוועזען די צדקה וואס ער האט זייא פאר טריבען צוויי יאהר פריער פאר דער צייט פון ונושנתם. גאט האט גזאגט אויב זייא וועלין דינען עבודה זרה: וועלין זייא זיצען אין ארץ ישראל ביז ונושנתם דאס איז אכט הונדערט צוויי און פופציג יאהר. און ווען די יודין וואלטין טאקי גיזעסן אזוי לאנג אין ארץ ישראל. וואלט אבער באלד מקוים גיווארין וואס עס שטייט ווייטער אין פסוק ואבדתם מהרה. איר וועט פאר לארין ווערין געשווינד. דריבער האט גאט זיי פאר טריבען מיט צוויי יאהר פריער. און אז עס איז ניט מקוים גיווארין ונושנתם. דארף ניט מקוים ווערין ואבדתם. רב אחא בר יעקב זאגט פון דאנען זעהן מיר אז גאט זאגט געשווינד הערט דאס אכט הונדערט מיט צוויי און פופציג יאהר. וואָרום גאט האט געזאגט איר וועט פאר

ג תניא היה רבי טרפון אומר כל מקום שאתה מוצא אגוריאות של עכו"ם אף ע"פ שדיניהם כדיני ישראל אי אתה רשאי להזקק להם שנאמר (שמות כא) ואלה המשפטים אשר תשים לפניהם לפניהם ולא לפני עכו"ם ד"א לפניהם ולא לפני הדיוטות:

(דף פט) ד אכלה בשוק גירגדה בשוק הניקה בשוק בכולן רבי מאיר אומר תצא ר"ע אומר עד שישאו ויתנו בה מוזרות בלבנה א"ל רבי יוחנן בן נורי א"כ לא הנחת בת לאברהם אבינו שיושבת תחת בעלה והתורה אמרה (דברים כד) כי מצא בה ערות דבר ולהלן הוא אומר (שם יט) על פי שני עדים או על פי שלשה עדים יקום דבר מה להלן דבר ברור אף כאן דבר ברור:

(דף צ) ה ומשנה ב"ש אומרים לא יגרש אדם את אשתו אלא א"כ מצא בה דבר ערוה שנאמר (דברים כד) כי מצא בה ערות דבר ובית הלל אומר

אגוריאות. אסיפות כמו אוגר בקיץ: לפניהם. קאי אשבעים זקנים שעלו עמו להר קדם מתן תורה כדכתיב ואל משה אמר עלה וגו' ואע"פ שכתובה פרשה זו לאחר מתן תורה קודם מ"ת נאמרה ובנה מזבח והעלו העולה והשלמים וכאותו דם נכנסו לברית:

גירגדה בשוק. הלכה נטויה גרון: מוזרות בלבנה. נשים הטוות בשוק לאור הלבנה ודרכן לשיח שיחות בטלות ולדבר בהסודות שבעיר: לא הנחת וכו'. שיש אויבים מוליכים קול בתגם כרמז מועט סקדימה

לארין ווערין געשווינד. און דם האט מען גימיינט אזו ווי דער צאל פון ווארט ונושנתם: אכט הונדערט צוויי און פופציג:

ג תניא. מיר האבין גלערנט רבי טרפון האט גזאגט וואו דוא געפינסט אפארזאמלונג פון דיינים וואס זענין געצין דינער: אפילו זייא משפטין זייערע דינים אזוי וויא דיא יודישע דיינים משפטין. פון דעסטוועגין טארסטו ניט גיין האבין אמשפט ביי דיא דיינים פון דיא געצינדינער. נאר דוא זאלסט האבין אמשפט בייא דיא יודישע דיינים. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דאס זענין דיא דינים וואס דוא זאלסט טאהן פאר זיי פאר דיא יודישע דיינים זאלסטו טאהן די דינים. אבער ניט פאר דיא דיינים וואס זענין געצין דינער. אנדערע זאגין מען מיינט פאר די סנהדרין זאלסטו זאגין דיא דינים אבער ניט פאר פראסטע מענטשין: פראסטע מענטשין טארין ניט זיין קיין דיינים:

ד אכלה. אאשה וואס האט געגעסין אין גאס. אדער זיא איז גגאנגין אין גאס דעם קאפ ארויף מען זאל זעהן איהר שיינעם האלדז. אדער זיא האט גזייגין אקינד אין גאס. רבי מאיר זאגט דיא אלע ווייבער זאלין ווערין גגט פון זייערע מאנען. רבי עקיבא זאגט מען דארף איהר ניט געבין; ביידין דיא ווייבער וואס זיצען אין גאס ביי נאכט און שפינען בייא דיא ליכטיגקייט פון די לבנה רעדין פון איהר אז זיא איז ניט פרום. זאל איהר דער מאן גטין. וואדום דיא ווייבער ווייסין פון אלע ווייבער וועלכע איז פרום און וועלכע ניט. האט רבי יוחנן בן נורי גזאגט צו רבי עקיבא אויב דו וועסט דיך פארלאזין אויף דיא ווייבער וועסטו ניט לאזין איין טאכטער פון אברהם אבינו וואס זאל בלייבען וואהנען מיט איהר מאן. ווארום אויף וועמען דיא ווייבער זענין בייז רעדין זייא אויף איהר. און דוא וועסט באלד הייסין דעם מאן ער זאל איהר געטין; נאר אזוי זאל זיין דיא תורה האט גזאגט דער מאן זאל גטין זיין ווייב ווייל ער האט אויף איהר גפונען ערות דבר אשענדליכע זאך. און דארט שטייט אויך אין פסוק דורך צוויי עדות אדער דורך דריי עדות יקום דבר. זאל בלייבין שטיין אזאך. אזוי וויא דארט איז דאך אקלארע זאך. ווארום עס איז דאך דורך עדות. אזוי דא מיינט מען אויך אקלארע זאך. אז עדות זאגין אויף אאשה אז זיא פירט זיך ניט גוט. זייא האבין פון איהר גזעהן שלעכטע זאכין. דארף איהר דער מאן גטין. אבער ניט דורך דעם וואס דיא ווייבער וואס שפינען פאר דיא לבנה רעדין:

ה משנה. בית שמאי זאגין אמענטש טאר ניט גטין זיין ווייב. סיידן ער האט גפונען זי האט כזנה גיווען. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דיא ווייב וועט ניט גפינען קיין חן בייא איהר מאן ווייל ער האט אויף איהר געפונען אשענדליכע זאך. און בית הלל זאגין אפילו זי

אומר אפילו הקדיחה תבשילו שנאמר כי מצא בה ערות דבר] ר"ע אומר אפילו מצא אחרת נאה הימנה [שנאמר (שם) והיה אם לא תמצא חן בעיניו]. [גמרא] במאי קמיפלגי בדר"ל דאמר ר"ל כי משמש בד' לשונות אי דלמא אלא דהא ב"ש סברי [והיה אם לא תמצא חן בעיניו] כי מצא בה ערות דבר דהא מצא בה ערות דבר ור"ע סבר כי מצא בה ערות דבר אי נמי מצא בה ערות דבר :

ו תניא היה רבי מאיר אומר כשם שיש דעות במאכל כך יש דעות בנשים יש לך אדם שזבוב נופל לתוך כוסו וזורקו ואינו שותהו וזו היא מדת פפוס בן יהודה שהיה נועל בפני אשתו ויוצא ויש לך אדם שזבוב נופל לתוך כוסו וזורקו ושותהו וזו היא מדת כל אדם שמדברת עם אחיה וקרוביה ומניחה ויש לך אדם שזבוב נופל לתוך התמחוי מוצצו ואוכלו וזו היא

[הקדיחה. שרפה או ע"י אור או במלח כמו כי אש קדחה באפי : ערות דבר. לב"ה משמע נמי או ערוה או שאר דבר כרתון : ר"ע אומר אפילו. לא מצא בה ערוה ולא דבר] : כי משמש בד' לשונות. במקום ד' לשונות הללו נכתב כי בתורה במקום אם במקום פן במקום אלא במקום אשר. במקום אם כמו כי ימצא בקרבך כי יקרא כי תראה המור וכו' במקום אלא לסהור דבר האמור למעלה לומר אינו כן אלא כן כמו ויאמר לא כי לחקת וכן ולא תקפוץ את ידך כי פתוח תפתח ומש' במקום פן כמו כי תאמר בלבבך רבים וגו' לא תירא מהם גו' וכו'. וכן כל כי הסמוכים לאף אף כי תאמר לא אשורנו אף כי אנכי אענוו כלן נדרשין בלשון תימה וכו' ועוד משמש בלשון דהא דהיינו אשר או מפני כלו' ליתן טעם כמו לא אהקתי כי יראה כלו' מפני שיראה וכן כי יבא אלי העם לדרוש אלהים מפני שבא אלי העם וכולהו מתרגמינן הכי שלשון הכי בארמי משמש כל לשונות כי בעברי ואם בא וכו' : דהא מצא בה. מפני שמצא בה [הא לאו הכי לא יגרשנה וב"ה נמי הכי משמע להו לשון מפני מפני שמצא בה] או ערוה או דבר ואם לאו לא יגרש הילכך לא המצא חן דקאמר קרא היינו מפני שמצא בה כדמפרש ביה ולא משום חן של מי : ור"ע. מפרש ליה להאי כי בלשון אם הילכך תרי מילי נינהו אם לא תמצא חן של מי בעיניו ואם מצא בה ערות דבר : יש דעות במאכל. דעות בני אדם חלוקות באסטניסות של מאכל ומשתה יש שהוא איסטנים וקץ במאכל מחמת מיאוס מיעוט ויש שאינו איסטנים כ"כ ויש שאינו איסטנים כלל כך דעות בני אדם חלוקים בפריצות יש מקפיד על פריצות מועט ויש שאינו מקפיד כ"כ ויש שאינו מקפיד כלל : פפוס בן יהודה. בעלה של אשה אחת היה וכשיוצא מביתו לשוק נעל דלת בפניה שלא תדבר

האט נאר פאר זאל צין דאס עסין מעג ער זיא גטין. ווארום עס שטייט אין פסוק ער האט אויף איהר גפונען ערות דבר. אדער ער האט גפונען אויף איהר אפעלער פון זנות: אדער איין אנדער פעלער. מעג ער איהר גטין. רבי עקיבא זאגט אפילו ער האט גפונען אשענערע ווייב פון איהר מעג ער זיא אויך גטין: ווארום עס שטייט אין פסוק אויב זיא וועט ניט געפינען קיין חן אין זיינע אויגין. זיא וועט איהם ניט געפעלין: מעג ער זיא גטין. זאגט דיא גמרא אין וואס קריגען דיא תנאים. אין דעם וואס ריש לקיש האט גזאגט: ווארום ריש לקיש האט גזאגט דער ווארט כי האט פיר טייטשין. אויב. טאמער. נאר. ווארום. בית שמאי האלטין אזו מיינט דר פסוק אוב זיין ווייב וועט ניט געפינען חן אין זיינע אויגין כי מצא בה ערות דבר. ווארום ער האט ביי איהר גפונען אזאך פון זנות: אונ בית הלל טייטשין אויך כי ווארום. כי מצא בה ערות דבר. ווארום ער האט גפונען אויף איהר זנות: אדער איין אנדער זאך. אונ רבי עקיבא טייטשט דעם ווארט כי. אויב. אויב זיא האט ניט גפונען קיין חן אין זיינע אויגין. זיא געפעלט איהם ניט. מעג ער זיא גטין. אונ אויב ער האט ביי איהר גפונען אזאך פון זנות. מעג ער זיא אויך גטין:

ו תניא. מיר האבען געלערונט רבי מאיר האט גזאגט אזו וויא עס איז דא דעות אין עסין: אזו איז דא דעות ביי ווייבער. עס איז דא אמענטש אז אפליג פאלט אריין אין זיין גלאז משקה שטעלט ער אוועק דיא גלאז אונ וויל ניט טרינקען דיא משקה פון גלאז. דס איז דיא מדה פון פפוס בן יהודה: ווען ער פלעגט גיין אין גאס פלעגט ער פאר שליסען דיא טיר קיין מענטש זאל ניט אריין קומען צוא זיין ווייב. אונ עס איז דא אמענטש אז אפליג פאלט אריין אין זיין כוס. ווארפט ער ארויס דיא פליג: אונ טרינקט אוים דעם כוס: דס איז דיא מדה פון אלע מענטשין. זיין ווייב שמועסט מיט אירע ברידער. אונ מיט איר פאמיליע: אונ ער לאזט זיא. אונ עס איז דא אמענטש אז אפליג פאלט אריין אין זיין עסין נוגט ער אפ דאס אן גיקלעבטע עסין וואס אויף דעם פליג אונ עסט דאס. דאס איז אשלעכטע מדה: ער וועהט זיין ווייב גייט ארוים אין גאס מיט דעם בלויזין קאפ. אונ שפינט אין גאס. אונ אירע קליידער אונ

מדבר עם כל אדם ומדה שאינה הוגנת היא במתוך כך איבה נכנסת ביניהם ומזנה תחתיו: ופרומה משני צדדיה. אלא אפילו ידיה כדרך אדומיות שבצרפת שבשרן נראה מצדיהן: עם בני אדם ס"ד. א"כ רגלים לדבר שזונה היא ואסורה לו: במקום שבני אדם רוחצים. והיא נכנסת לעיניהם אחר יציאתם כשהם לובשים בגדיהם: כי שנא שלח. פסוק הוא בנבואת מלאכי: אם שנאתה שלח. כר"ע: אם שנואה. היא לפני המקום שלח כב"ש. ואית דגרסי שנוי המשלח וזו שמעתי שנוי המשלח לפני המקום ואפילו לב"ה נהי דלא קייפינן שלא לגוליה מיהו שנוי הוא: זווג ראשון: אשת נעורים וכה משמעי קרא כדכתיב בתריה אשת נעוריך וכתיב ונשמרתם ברוחכם ובאשת נעוריך אל יבגוד:

מתני' אדם רע שרואה את אשתו יוצאה וראשה פרוע וטוה בשוק (ע"ב) ופרומה משני צדדיה ורוחצת עם בני אדם עם בני אדם ס"ד אלא במקום שבני אדם רוחצין זו מצוה מן התורה לגרשה שנאמר (דברים כד) כי מצא בה ערות דבר וגו' ושלחה מביתו והלכה והיתה לאיש אחר הכתוב קראו אחר לומר שאין זה בן זוגו של ראשון זה הוציא רשעה מביתו וזה הכנים רשעה לתוך ביתו זכה שני ושלחה שנאמר (שם) ושנאה האיש האחרון וגו' ואם לאו קוברתו שנאמר (שם) או כי ימות האיש האחרון כדאי הוא במיתה שזה הוציא רשעה מביתו וזה הכנים רשעה לתוך ביתו (מלאכי ב) כי שנא שלח ר' יהודה אומר אם שנאתה שלח ר' יוחנן אומר שנאוי המשלח ולא פליגי הא בזווג ראשון הא בזווג שני דא"ר אלעזר כל המגרש אשתו ראשונה אפילו מזבח מוריד עליו דמעות שנאמר (שם) וזאת שנית תעשו כסות דמעה את מזבח ה' בכי ואנקה מאין עוד פנות אל המנחה ולקחת רצון מידכם ואמרתם על מה על כי ה' העיד בינך ובין אשת נעוריך אשר [אתה] בגדתה בה והיא חברתך ואשת בריתך:

איר העמר איז האפען ביי דיא ארעמס פון ביידע זייטען אז מען זעהט ארויס אירע בריסט. אונ זיא וואשט זיך מיט מאנס לייט. פרעגט דיא גמרא מיט מאנס לייט איז זי דאך אזונה. נאר מען מיינט זיא וואשט זיך אויף דעם ארט וואו מאנס לייט האבין זיך געוואשין. אונ ווי די מאנס לייט האבין נאר אן גיטאהן זייערע קליידער אוועק צו גיין איז זי אן גיקומען זיך אויס טאהן. אזוי א ווייב איז א מצוה פון דער תורה מען זאל איר גטין. ווארום עס שטייט אין פסוק אז ער געפינט אויף איר א זאך פון זנות זאל ער זיא גטין. אין פסוק שטייט ער וועט איר ארויס שיקען פון זיין שטוב אונ זיא וועט גיין אונ וועט זיין צו איין אנדער מאן. דער פסוק רופט אים איין אנדערער. צו זאגין אונז אז ער איז ניט גלייך צום ערשטין מאן: דער ערשטער מאן האט ארויס געטריבען דיא שלעכטע פון זיין שטוב. אונ דער אנדערער האט אריין גיבראכט די שלעכטע אין זיין שטוב. אז דער אנדערער איז זוכה טרייבט ער זיא אויך ארויס פון זיין שטוב. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק דער אנדערער מאן וועט איר אויך פיינט האבען. אונ אויב ער איז ניט זוכה בגראבט זיא אים. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק אדער דער אנדערער מאן וועט שטארבין. ער איז ווערט ער זאל שטארבין. ווארום דער ערשטער מאן האט ארויס געשיקט דיא שלעכטע פון זיין שטוב. אונ דער אנדערער מאן האט אריין גינומען דיא שלעכטע אין זיין שטוב. אין פסוק שטייט כי שנא שלח. רבי יהודה זאגט אזוי מיינט מען אויב דוא האסט פיינט דיין ווייב שיק איר אוועק פון דיר. גט איר. רבי יוחנן זאגט אזוי מיינט מען דער וואס גט זיין ווייב איז ער גיפיינט ביי גאט. אונ רבי יהודה מיט רבי יוחנן קריגען ניט. דער וואס גט די ערשטע ווייב זיינע וואס ער האט איר גינומען אין זיין יוגענד. האט אים גאט פיינט: אונ דיא אנדערע ווייב אויב ער האט איר פיינט מעג ער זיא גטין. ווארום רבי אלעזר האט גזאגט דער וואס גט זיין ערשטע ווייב אפילו דער מזבח גיסט אויף אים טרערין. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק נאך דיא אנדערע זאך טוהט איר. איר בדעקט מיט טרערין דעם מזבח פון גאט. עס איז געוויין אונ געשריי גאט וויל זיך ניט קערין צו אייערע מנחות. אונ ער וויל ניט נעמען קיין בחיליגונג פון אייער האנט. אונ איר פרעגט פאר וואס איז דאס אזוי. ווייל גאט איז גיוועז אעדות צווישען דיר אונ צווישען דיין ווייב וואס דוא האסט גינומען אין דיין יוגענד. וואס דוא ביסט צו איר פאלש גיווארין אונ זיא איז דיין בהעפטונג אונ דיא ווייב פון דיין פאר בינדונג:

מסכת סוטה. פרק ראשון

(דף ב) **א תניא** רבי אומר למה נסמכה פרשת נזיר לפרשת סוטה לומר לך שכל הרואה סוטה בקלקולה יזיר עצמו מן היין:

ב אמר רב שמואל בר יצחק כי הוה פתח ריש לקיש בסוטה אמר הכי אין מזווגין לו לאדם אשה אלא לפי מעשיו שנאמר (תהלים קכה) כי לא ינוח שבט הרשע על גורל הצדיקים אמר רבה בר בר חנה א"ר יוחנן וקשה לזווגן כקריעת ים סוף שנאמר (שם סח) אלהים מושיב יחידים ביתה מוציא אסירים בכושרות (אל תקרי מוציא אלא כמוציא) איני והא אמר רב יהודה אמר רב ארבעים יום קודם יצירת הולד בת קול יוצאת ואומרת בת פלוני לפלוני בית פלוני לפלוני שדה פלונית לפלוני לא קשיא הא בזווג ראשון הא בזווג שני:

כהו

פרק א

בקלקולה. כשוטה ובבזיונה שמבזים אותה כדקתני במתניתין קושר חבל למעלה מדדיה: יזיר עצמו מן היין. שהיין מביא לידי קלות ראש והוא גרם לה: כי פתח. כשהיה בא לדרוש בפרשת סוטה: אין מזווגין אשה אלא לפי מעשיו. לפושע לפושע ולצדיק ופרוצה לפרוץ: כי לא ינוח שבט וגו' לא יזדווג ממשלת הרשע בגורל צדיק: וקשה. לפני הקב"ה: לזווגם. הך דלפי מעשיו: כקריעת ים סוף. שנשתנו בו מעשי בראשית: מושיב יחידים ביתה. אדם יחיד ואשה יחידה והוא מזווגם יחד ומיישב מהם בית אחד: מוציא אסירים בכושרות. כשהוציא ישראל ממצרים בחדש כשר לא חמה ולא צנה מקיש זווג יחידים למוציא אסירים: איני. מי הוי זווג לפי רשע וזכות והא מקודם יצירתו שאין מודע רשעו וזכותו מכריזין בת זוגו ואע"ג דהכל גלוי לפני והא הכל בידי שמים חוץ מיראת שמים כדאמרינן במסכת נדה מלאך הממונה על ההריון נוטל טפה ומביאה לפני הקב"ה ואומר לפניו טפה זו מה תהא עליה גבור או חלש חכם או טפש עני או עשיר אבל צדיק ורשע לא קאמר [ליה] דאין אלא בידי שמים: זווג ראשון. לפי המזל: זווג שני. לפי מעשיו וקשה לזווגן לפי שהוגנת בת זוגו:

ויקנא

פרק א

א תַּנְיָא. מיר האבען געלערנט רבי זאגט פאר וואס שטייט נאנט די פרשה פון נזיר צו די פרשה פון סוטה. צו זאגען דיר דער וואס זעהט ווי די סוטה ווערט פר מיאוסט אונ פאר שעמט. וועט ער זיך אפ שיידען פון וויין טרינקען. ווארום שכרות אונ די פריילאכקייט פון וויין ברייגט צום מזנה זיין:

ב אָמַר. רב שמואל בר יצחק האט געזאגט אז ריש לקיש פלעגט אן הייבען דרשנען די פרשה פון סוטה. האט ער פריער אזו געזאגט גאט גיט צו אמענטשען אווייב נאר אזוי ווי ער איז ווערט. אפרומע ווייב גיט מען צו אצדיק. אונ ארשעת גיט מען צו ארשע. ווארום עס שטייט אין פסוק עס וועט ניט רוהען דאס שלעכטיקייט פון רשע אויף די צדיקים. רבה בר בר חנה האט געזאגט פון רבי יוחנן וועגין עס איז שווער ביי גאט זייא צו זאמען פארין אזו ווי עס איז שווער געוועהן צו שפאלטען דעם ים. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק גאט מאכט זיצען די איינצעלנע מענטשען אין אשטוב אזכר וואס איז געזעסען אליין אהן אווייב אונ אנקבה וואס איז געזעסען אליין אהן אמאן. פארט זייא גאט צו זאמען. פון זייא זאל ווערין אגאנצע שטוב. אונ ער האט ארויס גינומען די געבונדענע יודין פון מצרים אין אגוטען חודש. ואין חודש ניסן וואס עס איז ניט הייס אונ ניט קאלט. איז דאס צו אמען פארוג פון מאן אונ ווייב גלייך צו דאס ארויס נעמען יודין פון מצרים. פרעגט די גמרא עס איז דאך ניט אזו. מען פארט ניט צו זאמען אפרומע מיט אפרומען אונ ארשע מיט ארשעת. ווארום רב יהודה האט געזאגט פון רבס וועגין פערציג טעג איידער דאס קינד ווערט באשאפען גייט ארויס אקול אין הימעל אונ רופט אויס יענעמס טאכטער זאל גינומען ווערין צו יענעם. יענעמס שטוב זאל פאר קויפט ווערין צו יענעם. יענעמס פעלד זאל פאר קויפט ווערין צו יענעם. אונ איידער די קינדער זענען באשאפען געווארין ווייס מען דאך ניט וואס זייא וועלין זיין רשעים צו צדיקים. זאגט די גמרא עס איז ניט קיין קשיא. דאס ערשטע פאר. אבחור וואס נעמט אמיידיל. ווערט אויס גערופען פערציג טעג פריער איידער זייא זענען באשאפען געווארין. די אנדערע פאר. אז אמאן אבער אצוויש נעמט אווייב. גיט אים גאט אווייב אזו ווי ער איז ווערט:

(דף ג) **ג מהו** לשון קינוי אר"נ בר יצחק אין קינוי אלא לשון התראה וכה"א (יואל ב) ויקנא ה' לארצו:

ד תניא היה רב מאיר אומר אדם עובר עבירה בסתר הקב"ה מכריז עליו בגלוי שנאמר (במדבר ה) ועבר עליו רוח קנאה וקנא את אשתו ואין עברה אלא לשון הכרזה שנאמר (שמות לו) ויצו משה ויעבירו קול במחנה אמר ריש לקיש אין אדם עובר עבירה אלא אם כן נכנסה בו רוח שטות שנאמר (במדבר ה) איש איש כי תשטה אשתו תשטה כתיב:

ה תנא דבי רבי ישמעאל אין אדם מקנא לאשתו אא"כ נכנס בו רוח שנאמר (במדבר ה) ועבר עליו רוח קנאה וקנא את אשתו מאי רוח רבנן אמרי רוח טומאה רב אשי אמר רוח טהרה ומסתברא כמ"ד רוח טהרה דתניא וקנא את אשתו רשות דברי רבי ישמעאל רבי עקיבא אומר חובה אי אמרת בשלמא רוח טהרה שפיר אלא אי אמרת רוח טומאה רשות וחובה לעיולי

פירוש

יקנא ה' לארצו. התרה בילק וחסיל וגזם שלא ישחיתו עוד את ארצו דכבילוה גובאי מסתמי פרשתא **אפיל:** לארצו. על ארצו כמו ויאמרו אנשי המקום לא שאל על אשתו האתם תריבון לבעל: **אדם** עובר עבירה בסתר. כגון אשה סרוצה עוברת בסתר: והקב"ה מכריז בגלוי. שמתן בלב בעלה לקנא לה והדבר מתפרסם בגלוי: ואין עברה. גרסינן: אלא לשון הכרזה. הקב"ה מתכוין להעביר קול: **[רוח** תמרים ולקמן מפרש רוח טהרה או רוח טומאה ע"י שטן הבא להסיתו להקניט את אשתו]: רבנן. דבי רב אשי אמרי רוח טומאה: רוח טהרה שסונא את הפריצות: מסתברא כמ"ד. דרוח דקאמר רבי ישמעאל טהרה היא: דתניא. דקאמר ר' ישמעאל רשות פלוגתא דר' ישמעאל ור"ע לקמן מפרש טעמייהו: שפיר. או רשות אי חובה:

ג מהו. וואס איז דער טייטש דער ווארט קינוי. האט רב נחמן בר יצחק גזאגט קינוי איז דער טייטש פר זאגען ופאר באטען דער מאן פאר זאגט זיין ווייב זיא זאל זיך ניט פר בארגען מיט יענעם מענטש. אזו וויא עס שטייט אין פסוק ויקנא ה' לארצו. גאט האט פאר באטען דיא אייזשעריקען וואס הייסען ילק חסיל גזם זיי זאלען שוין ניט פר בארבען ארץ ישראל:

ד תניא. מיר האבען גילערונט רבי מאיר פלעגט זאגען אז אמענטש טוהט אעבירה אין דער שטיל. מאכט גאט אז אלע זאלען וויסען פון דער עבירה: אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ועבר עליו רוח קנאה וקנא את אשתו. עבר איז טייטש אויס שרייען ואזוי וויא עס שטייט אין פסוק ויצו משה. משה האט גיבאטען ויעבירו קול במחנה: מען האט אויס געשריגען מיט אקול אין דער מחנה. זיא האט זיך פר בארגען מיט דעם פרעמדין מענטש אין דער שטיל. אונ דער מאן האט אויס געשריגען די זאך פאר אלע מענטשין. ריש לקיש זאגט אמענטש טוהט ניט קיין עבירה ביז זיין שכל ווערט אים פר נארעשט אזוי וויא עס שטייט אין פסוק איש איש כי תשטה אשתו זיין ווייב וועט נארעש ווערין:

ה תנא. דבי רבי ישמעאל האבען גילערונט אמענטש גייט ניט אן זאגען זיין ווייב זיא זאל זיך ניט פאר בארגען מיט קיין מאנספערזאן. ביידען עס איז איהם געקומען אוועלען פון הימעל ער זאל אזוי טאהן. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק עס וועט ארויף גיין אויף איהם א רוח וואוילען פון קנאה אונ ער וועט אן זאגען זיין ווייב זיא זאל זיך ניט פר באהאלטען מיט קיין מאנספערזאן. וואס פאר אוויל'ען ווי"ט קומען אויף איהם. דיא רבנן זאגען אוויל'ען פון טומאה. דער שטן וועט אין איהם אריין געבין אוויל'ען ער זאל אן זאגען דאס ווייב זיא זאל זיך ניט פאר באהאלטען מיט קיינעם. עס זאל ווערין דורך דעם אקריג צווישען מאן אונ ווייב. רב אשי זאגט פון הימעל וועט אין איהם אריין קומען אוויל'ען, ער זאל וויסען אויב דיא ווייב זיינע איז ערליכע אדער גיין. זאגט דיא גמרא מיר האבען אבעווייזונג וויא דער וואס זאגט אז דעם ווילען מיינט מען פון הימעל. וואהם מיר האבען גילערונט עס שטייט אין פסוק וקנא את אשתו. ער זאל זאגען זיין ווייב זי זאל זיך ניט פאר בארגען מיט קיינעם. אויב ער וויל זאגט ער איר. אונ אויב ער וויל ניט שווייגט ער. אזוי זאגט רבי ישמעאל. רבי עקיבא זאגט ער מוז איר זאגען. אויב מיר וועלען זאגען צו דער ווילען איז פון גאט. איז רעכט וואס מען קערט צוא מען מעג אדער מען מוז. אבער אז מיר וועלען זאגען אז דער ווילען איז פון שטן צו מאכען אקריג צווישען מאן אונ ווייב ווי אזוי קריגט מען

לעי־לי לאינש רוח טומאה בנפשית:

(ע"ב) ו אמר רב חסדא זנותא בביתא כקריא לשומשמי וא"ר (פפא) [חסדא] תוקפא בביתא כקריא לשומשמי אידי ואידי באתתא אבל בגברא לית לן בה:

ז ואמר רב חסדא בתחלה קודם שחטאו ישראל היתה שכינה שרויה עם כל אחד ואחד שנאמר (דברים כג) כי ה' אלהיך מתהלך בקרב מחנך וכיון שחטאו (היתה שכינה מסתלקת) [נסתלקה שכינה] מהם שנא' (שם) ולא יראה בך ערות דבר ושב מאחריך:

ח א"ר שמואל בר נחמני א"ר יונתן כל העושה מצוה אחת בעוה"ז מקדימתו (ומוליכתו) [והולכת] לפניו לעוה"ב שנאמר (ישעיה נח) והלך לפניך צדקך כבוד ה' יאספך וכל העובר עבירה אחת בעולם הזה מלפפתו (ומוליכתו) [והולכת לפניו] ליום הדין שנאמר (איוב ו) ילפתו ארחות דרכם יעלו בתהו ו אבדו רבי אלעזר אומר קשורה בו ככלב שנאמר (בראשית לט) ולא שמע אליה לשכב אצלה להיות עמה לשכב אצלה בעוה"ז להיות עמה (ליום הדין) בעוה"ב:

(דף ד ע"ב) ט דרש רב עוירא זמנין אמר לה משמיה דר' אמי וזמנין אמר לה משמיה דר'

מי קריא. תולעת של שומשמין ההוכנהן כך יוצא מחריב הבית: תוקפא. לעס: אידי ואידי. תוקפא וזנות דאמרינן דמחריבי ביתא: באתתא. כשהאשה מזנה או כעכנית נפי שהיא מתעכקת בגנותה ואינה עושה מלאכה ולא משמרת ביתה ומפקרת את של בעלה למנאפים: קודם שחטאו ישראל. בעריות: עם כל אחד ואחד. בביתו: נסתלקה שכינה מהם. מלגות לביתה דאינה יכולה לראות בעבירות שבביתם: מקדימתו. לפני (מעתו) [מיתתו] מכרזת לפניו: מלפפתו. כורכתו:

צוא זיר מעג אדער ער מוז אביין ברייגען אין זיך אוויליען פון טומאה. געווים איז ניט ער טוו אונ ניט ער מעג:

ו אמר. רב חסדא האט גזאגט זנות אין א שטוב מאכט וויסט די שטוב. אזוי ווי די ווארעם עסט אויף די מאהן. נאך האט רב חסדא גזאגט כעס אין א שטוב מאכט וויסט די שטוב. אזוי ווי דער ווארעם עסט אויף די מאהן. אונ דאס איז נאר אז די אשה איז מזנה אדער די אשה איז אכעסן דאס איז ניט גוט פאר די שטוב. אבער אז דער מאן איז מזנה אדער דער מאן איז אכעסן. ווערט ניט וויסט די שטוב:

ז ואמר. נאך האט רב חסדא גזאגט אין אנהייב איידער די יודין האבין געזינדיגט מיט תורה. האט די שכינה גירוהט מיט יעדער יוד בזונדר. ביי אים אין זיין שטוב. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק גאט גייט אין דיין מחנה. ווייא די יודין האבען געזינדיגט אונ מזנה געוועזן. איז די שכינה אוועק גיגאנגען פון זייערע שטובין. זיא האט ניט גקענט זעהן די עבירות וואס זייא טוהען אין די שטובין. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק עס זאל ניט גיזעהן ווערין ביי דיר קיין שענדליכע זאך. ווארום גאט וועט זיך אפ קעדין פון דיר:

ח אמר. רבי שמואל בר נחמני הט גזאגט פון רבי יונתן וועגין דער וואס טוהט איין מצוה אויף דער וועלט. אז דער מענטש שטארבט אונ מען טראגט אים צום קבר גייט די מצוה פאר אויס אונ ברייננט אים צוא עולם הבא. אזו וויא עס שטייט אין פסוק עס וועט גיין פאר דיר דיין גירעכטיגקייט אונ דער כבוד פון גאט וועט דיך פאר זאמלען. אונ דער וואס טוהט איין עבירה אויף דער וועלט אז ער שטארבט אונ מען טראגט אים צום קבר. ווערקולט זיך איין די עבירה אין דעם מענטש אונ זיא פירט אים צום משפט. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק זייא נעמען זיך ארום אונ גייען אין וועג אונ זייא גייען אין די וויסטקייט ביז זייא ווערין פאר לארין. רבי אלעזר זאגט די עבירה איז אן גיבונדין אן דעם מענטש אזוי וויא א הונט. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק יוסף האט ניט גיוואלט הערין די רייד פון פוטיפרס ווייב. צוא ליגען ביי איר צוא זיין מיט איר. צוא ליגען ביי איר אויף דער וועלט. אונ צו זיין מיט איר אויף יענע וועלט:

ט דרש. רב עוירא האט אמאהל גזאגט פון רבי אמים וועגין. און אמאהל פון רב אבינ

דר' אמי כל האוכל לחם בלא נטילת ידים כאילו בא על אשה זונה שנאמר (משלי ו) כי בעד אשה זונה עד ככר לחם (ואשת איש נפש יקרה תצוד) אמר רבא האי בעד אשה זונה עד ככר לחם [בעד ככר לחם] עד אשה זונה מיבעי' ליה. אלא אמר רבא כל הבא על אשה זונה לסוף מבקש ככר לחם (ואינו מוצא) אמר רבי זריקא א"ר אלעזר כל המזלזל בנטילת ידים נעקר מן העולם. אמר רב חייא בר אשי אמר רב מים ראשונים צריך שיגביה ידיו למעלה מים אחרונים צריך שישפיל ידיו למטה. תנ"ה הנוטל ידיו צריך שיגביה ידיו למעלה שמא יצאו מים חוץ לפרק ויחזרו ויטמאו את הידים. א"ר אבהו כל האוכל פת בלא ניגוב ידים כאילו אוכל לחם טמא שנאמר (יחזקאל ד) ככה יאכלו בני ישראל את לחמם טמא בגוים אשר אדיחם שם. מאי (משלי ו) ואשת א"ש נפש יקרה תצוד. א"ר חייא בר אבא אמר רבי יוחנן כל אדם שיש בו גסות הרוח לסוף נכשל באשת איש שנאמר ואשת איש נפש יקרה תצוד

כי בעד אשה זונה וגו'. השתא דריש לה מסיפיה לרישיה בשביל ככר לחם בא אדם לעונש של זונה. במילתיה דרבא גרסינן. בעד ככר לחם עד אשה זונה מיבעיא ליה. דמשמע בשביל ככר לחם אתי לעונש עד כדי עונש אשה זונה וה"ה נמי אי הוה כתיב עד אשה זונה בעד ככר לחם ל"ק ליה לרבא מידי דהוה מסיפיה לרישא נמי מדריש קרא אלא עד ובעד קא קשיא ליה דגבי ככר לחם הוה ליה למכתב בעד וגבי אשה זונה הוה ליה למכתב עד: המזלזל. שאוכל תמיד בלא נטילת ידים: נעקר. שעובר על דברי חכמים חייב מיתה דכתיב ופורץ גדר ישכנו נחש: [מים ראשונים. שלפני המזון: שיגביה ידיו. ראשי אצבעותיו שיטו המים מתפשטין עד זרועותיו וכו': שמא יצאו מים וכו'. כדתנן במסכת ידים פ"ב וכו': אחרונים. שלאחר הסעודה שחייבו חכמים מפני שמלח סדומית יש שמסמא את העינים: צריך להשפיל ידיו למטה. כדי שתרד הזוהמא של התבשיל שבידו שהרי להעביר הזוהמא כן]: כל האוכל בלא נגוב ידים. דבר מאוס הוא ונחשב כטומאה. שנאמר ככה יאכלו בני ישראל את לחמם טמא בגוים. (ומפני שצוה ליחזקאל לעשותו במאוס ולאפותו בצפיעי הבקר ובגללי האדם כדכתיב בגללי צאת האדם תעוגנה לעיניהם וכתיב בתריה ככה יאכלו בני ישראל את לחמם טמא בגוים) אלמא דבר מאוס קרי טומאה: מאי ואשת איש וגו'. סיפיה דקרא דלעיל [הוא] כי בעד אשה

וועגין. דער וואס עסט ברויט אומגעוואשין דיא הענט. איז גלייך וויא ער וואלט בועל געוועזען אזונה. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק כי בעד אשה זונה עד ככר לחם. דורך ברויט וואס ער האט געגעסין אומגעוואשין ווערט ער אזוי געשטראפט גלייך וויא ער וואלט בועל געווען אזונה: האט רבא געזאגט פאר וואס שטייט אין פסוק בעד אשה זונה עד ככר לחם. האט דאך געדארפט שטיין אין פסוק פאר קערט בעד ככר לחם עד אשה זונה. דורך ברויט ווערט מען געשטראפט אזוי וויא דורך אאשה זונה. נאר רבא זאגט דער מענטש וואס איז מזנה. וועט ער פאר אָרעמט ווערין אז ער וועט זוכען ברויט אונ וועט ניט געפינען: רבי זריקא האט געזאגט פון רבי אלעזר וועגין דער וואס עסט שטענדיג ברויט אומגעוואשין. וועט ער אויסגעריסען ווערין פון דער וועלט. רב חייא בר אשי האט געזאגט פון רבם וועגין דיא ערשטע וואסער וואס מען וואשט דיא הענט פאר דעם עסין. דארף ער אויפהייבין דיא הענט ודיא שפיץ פינגער זאלין זיין אין דער הייך. דיא לעצטע וואסער וואס מען וואשט דיא הענט נאך דעם עסין. דארף ער אראפ לאזין דיא הענט ודיא שפיץ פינגער זאלין זיין אראפ דיא מיאוסקייט פון דיא הענט זאלין אראפ רינען. זאגט דיא גמרא מיר האבין אויך אזוי געלערנט דער וואס וואשט דיא הענט צום עסין דארף ער אויפהייבין דיא הענט אין דער הייך: ווארום טאמער ווען ער האט געוואשין דיא הענט איז דיא וואסער גיגאנגען ווייטער וויא דער גליד פון האנט. אונ דיא וואסער וואס ווייטער וויא דער גליד איז זענען טמא. אז ער וועט האלטין דיא האנט אראפ ניבויגין. וועלין צוריק גיין דיא וואסער וואס זענען טמא אויף דיא האנט וועט דאך דיא האנט ווערין טמא. רבי אבהו האט געזאגט דער וואס עסט ברויט אונ דיא הענט זענען ניט גוט אפ געטריקנט פון דיא געוואשענע וואסער. איז גלייך וויא ער וואלט עסין ברויט וואס איז טמא. ווארום דער ברויט ווערט פאר מיאוסט אז מען האלט אים מיט נאסע הענט. איז גלייך וויא עס וואלט געווען טמא: אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אזוי וועלין עסין דיא יודין ווייער ברויט טמא ופאר מיאוסט צווישען דיא פעלקער וואס איך וועל זייא דארטין פארשטויסין: זעהן מיר וואס עס איז פאר מיאוסט ווערט גירופין טמא. עס שטייט אין פסוק ואשת איש נפש יקרה תצוד האט רבי חייא בר אבא געזאגט פון רבי יוחנן וועגין דער מענטש וואס איז גרויס בייא זיך. וועט ער געשטרויכלט ווערין צו [illegible]

תצוד אמר רבא האי נפש יקרה נפש גבוה מיבעי' ליה ועוד היא תצוד מיבעי' ליה אלא אמר רבא כל הבא על אשת איש אפי' למד תורה דכתיב בה (שם ג) יקרה היא מפנינים יקרה היא מכ"ג שנכנס לפני ולפנים אפילו הכי היא צדתו לדינה של גיהנם:

א"ר יוחנן משום רבי שמעון בן יוחאי כל אדם שיש בו גסות הרוח כעובד עבודה זרה כתיב הכא (שם טז) תועבת ה' כל גבה לב וכתיב התם (דברים ז) ולא תביא תועבה אל ביתך ור' יוחנן דידיה אמר כאילו כופר בעיקר שנא' (שם ח) ורם לבבך ושכחת את ה' אלהיך ר' חמא בר חנינא אמר כאילו בא על העריות כולם כתיב הכא תועבת ה' כל גבה לב וכתיב התם (ויקרא יח) כי את כל התועבות האל עשו אנשי הא־ץ עולא אמר כאילו בנה במה שנאמר (ישעיה ב) חדלו לכם מן האדם אשר נשמה באפו כי במה נחשב הוא אל תקרי במה אלא במה. מאי (משלי יא) יד ליד

כא

זונה עד ככה כו': לסוף מבקש ככר לחם. וה"ק כמו אשה זונה עד ככר לחם ואשת איש זונה נפש יקרה הגבוה היא המודנה רודף אחריו ועד אותה ומגיעה: היא תצוד מבעי' ליה. כיון דמסיפיה לריסיה קא דרשת ליה הכי איבעי ליה למכתב ואשת איש נפש יקרה היא תצוד אותה אבל השתא משמע דאשת איש נדה את הנפש יקרה: מכהן גדול. דאפי' ממזר ת"ח קודם לכ"ג ע"ה לפניה דאמן ולברך דאמן ומהאי קרא דרשינן ליה בהוריות:

ורם לבבך ושכחת. מעלה אני עליך כאלו שכחת: את כל התועבות האל. גבי עריות כתיב: במה. ע"ז: אשר נשמה באפו. במחזיק את עצמו כבעל נפש והיינו גאוה שחשובה נפשו בעיניו: מאי יד ליד לא ינקה. סיפיה דקרא דאייתי לעיל את

זיין מיט אאשת איש. ווארום עס שטייט אין פסוק ואשת איש נפש יקרה תצוד. דער נפש וואס איז גרויס בייא זיך וועט דיא אשת איש אים פאנגען ער זאל מיט איר מזנה זיין. האט רבא גזאגט דארף דאך ניט שטיין נפש יקרה. נאר עס דארף שטיין נפש גבוה. דער מענטש וואס איז הויך בייא זיך. אונ נאך דארף שטיין היא תצוד. זיא וועט אים פאנגען ועיין מהרש"א האט רבא גזאגט אזוי מיינט דער פסוק דער וואס האט מזנה גיוועזן מיט אאשת איש. אפילו ער האט גילערנט תורה וואס בייא איר שטייט יקרה היא מפנינים. דיא תורה איז טייערער פאר דעם כהן גדול וואס ער גייט אריין אין לפני ולפנים. אין קדשי קדשים. פון דעסטוועגן וועט זיא אים פאנגען צום גיהנם. איז דער טייטש פון פסוק אזוי. ואשת איש. דער וואס האט מזנה גיוועזן מיט אאשת איש. נפש יקרה. אפילו דער מענטש האט גילערנט תורה וואס זיא איז טייער. תצוד. וועט דיא עבירה אים פאנגען אונ וועט אים ברייננען אין גיהנם

ועיין מהרש"א:

י אמר. רבי יוחנן האט גזאגט פון רבי שמעון בן יוחאים וועגין דער מענטש וואס איז גרויס בייא זיך איז גלייך וויא ער וואלט גדינט עבודה זרה: דא שטייט תועבת ה' כל גבה לב. אונ דארטין שטייט ולא תביא תועבה אל ביתך. אזוי וויא לא תביא תועבה. דו זאלסט ניט ברייננען קיין פא־מיאוסטע זאך. מיינט מען. מען זאל ניט ברייננען קיין עבודה זרה: אזוי תועבת ה' כל גבה לב. מיינט מען אויך דער וואס איז גבה לב. גרויס בייא זיך. איז ער בייא גאט פאר מיאוסת וויא ער וואלט גדינט עבודה זרה. אונ רבי יוחנן אליין זאגט דער וואס איז גרויס בייא זיך איז גלייך וויא ער וואלט גילייקענט אין גאט. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אז דיין הארץ וועט דער הויבין הערין וועסטו פארגעסין אין דיין גאט: רבי חמא בר חנינא זאגט עס איז גלייך וויא ער וואלט מזנה גיוועזן מיט אלע עריות. דא שטייט תועבת ה' כל גבה לב. אונ דארט בייא עריות שטייט כי את כל התועבות האל עשו אנשי הארץ. דער פסוק זאגט אונז דער וואס איז גרויס בייא זיך ווערט ער גישעצט אזוי וויא דער וואס איז מזנה מיט דיא עריות. עולא זאגט דער וואס איז גרויס בייא זיך איז גלייך וויא ער וואלט גיבאהט אבמה: אזוי וויא עס שטייט אין פסוק חדלו לכם מן האדם אשר נשמה באפו. איר זאלט אייך פארהיטין פון דעם מענטש וואס ער איז גרויס בייא זיך. כי במה נחשב הוא. זאלסט ניט לייענען במה נאר זאלסט לייענען במה נחשב הוא. עס איז גירעכינט וויא ער וואלט גיבאהט אבמה. ואבמה איז אשטיין מקריב צו זיין אויף איהם קרבנות. עס שטייט אין פסוק יד ליד לא ינקה האט רב

לא ינקה אמר רב כל הבא על אשת איש אפילו הקנהו להקב"ה שמים וארץ כאברהם אבינו דכתיב ביה (בראשית יד) הרמותי ידי אל ה' אל עליון קונה שמים וארץ לא ינקה מדינה של גיהנם קשיא להו לדבי ר' שילא האי יד ליד ידי מיבעי ליה אלא אמרי דבי ר' שילא אפילו קבל תורה כמשה דכתיב ביה (דברים לג) מימינו אש דת למו לא ינקה מדינה של גיהנם קשיא ליה לרבי יוחנן האי יד ליד יד מיד מיבעי' ליה אלא א"ר יוחנן (דף ה) אפילו עשה צדקה בסתר דכתיב (משלי כא) מתן בסתר יכפה אף ושחד בחיק חמה עזה לא ינקה מדינה של גיהנם:

יא אזהרה לגסי הרוח מנין אמר רבא אמר זעירא מהכא (ירמיה יג) שמעו והאזינו אל תגבהו רב נחמן בר יצחק אמר מהכא (דברים ח) ורם לבבך ושכחת וכתיב (שם) השמר לך פן תשכח וכדרבי אבין א"ר

מתנת ר' כל גבה לב יד ליד לא ינקה. ה"ג כל מי שיש בו גסות הרוח אפי' הקנהו וכו' ול"ג כל הבא על אשת דלא משתעי קרא אלא בגסות הרוח: הקנהו להקב"ה וכו'. השליטו בשבחו ע"י הכל כאברהם שקראו קונה שמים וארץ דהיינו יד ליד אפי' דומה לאברהם שאמר הרימותי ידי וכו': קשיא להו לדבי ר' שילא. אהך דרשה דרב: ה"ג האי יד ליד ידי [לא ינקה] מבעי' ליה: אפילו הוא כמשה רבינו. שקבל תורה מיד הקב"ה לידו: יד מיד מבעי' ליה. דהא קרא במקבל תורה מוקמת ליה לא בנותן והוה ליה למכתב יד מיד לא ינקה יד שקבלה מיד אף הוא לא ינקה: אפילו עושה צדקה בסתר. שנותן מידו ליד העני והכי משמע יד המתנת ליד אף הוא לא ינקה: דכתיב ביה מתן בסתר יכפה אף. לאו דסייך האי קרא בקרא דלעיל אלא רבותא הוא שאע"פ שכופה אף וחמה אינו מכפר על גסות הרוח:

אזהרה. שלא יהא גס רוח שנאמר ורם לבבך ושכחת אלמא מגובה הלב בא לידי שכחה שכוחת אם מלאו ובשכחה הוא מוזהר השמר לך פן תשכח:

זאָגט דער וואָס איז גרויס בייא זיך אַפילו ער לויבט גאָט אַז ער האָט בעשאַפין דיא הימעל אונ ערד. אַזוי וויא אַברהם אָבינו האָט איהם גלויבט אַז ער האָט בעשאַפין דיא הימעל אונ ערד. אַזוי ווי עס שטייט אין פּסוק אַברהם האָט געזאָגט איך האָב אויף גהויבין מיין האַנט צו גאָט וואָס ער איז דער אויבערשטער גאָט וואָס ער האָט בעשאַפין דיא הימעל אונ ערד. פון דעסטוועגין וועט ער ניט ריין ווערין פון דעם משפּט וואָס עס וועט זיין אין גיהנם. דאָס מיינט מען יד ליד. אַפילו ער הייבט אויף דיא האַנט: אַזוי וויא אַברהם האָט אויף גהויבין דיא האַנט: פון דעסטוועגין אויב ער איז גרויס בייא זיך וועט ער ניט ריין ווערין פון גיהנם. האָבין דבי רב שילא גפרעגט האָט דאָך גבראַכט שטיין אין פּסוק יד לידי. וואָרום אַברהם אָבינו האָט דאָך ניט געזאָגט הרמותי יד: נאָר ער האָט געזאָגט הרמותי ידי. האָבין דבי רבי שילא געזאָגט אַזוי מיינט מען אַפילו ער האָט מקבל געווען דיא תּורה אַזוי ווי משה. וואָס ביי איהם שטייט מימינו אש דת למו. פון זיין רעכטע האַנט האָט ער גנומען אַתּורה פון פייער. משה האָט גנומען אַתּורה פון פייער פון דיא רעכטע האַנט פון גאָט: פון דעסט וועגין אַז ער איז גרויס בייא זיך וועט ער ניט ריין ווערין פון דעם משפּט וואָס עס וועט זיין אין גיהנם. האָט רבי יוחנן גפרעגט דאַרף דאָך ניט שטיין אין פּסוק יד ליד. אַהאַנט צו אַהאַנט. נאָר עס דאַרף שטיין יד מיד. אַהאַנט פון אַהאַנט. ער האָט גנומען דיא תּורה מיט זיין האַנט פון דיא האַנט פון גאָט. האָט רבי יוחנן געזאָגט אַזוי מיינט מען אַפילו ער גיט צדקה אין דער שטיל. דאָס הייסט יד ליד. ער גיט צדקה מיט זיין האַנט אין דיא האַנט פון אָרעם מאַן. וואָס אין פּסוק שטייט אַז מען גיט צדקה אין דער שטיל בייגט דאָס איין דעם כּעס פון גאָט. אונ אַז מען גיט שוחד (צדקה) אין שוים (אין דער שטיל) שטילט דאָס דעם שטאַרקסטין כּעס פון גאָט. פון דעסט וועגין אויב דער מענטש איז גרויס בייא זיך וועט ער ניט ריין ווערין פון דעם משפּט וואָס עס וועט זיין אין גיהנם:

יא אזהרה. ווא האָט דיא תּורה געזאָגט אַז אַמענטש טאָר ניט זיין גרויס בייא זיך. האָט רבא געזאָגט פון זעירא וועגין פון דעם פּסוק ווייסין מיר שמעו והאזינו אל תגבהו. הערט אונ פאַר נעמט אונ זייט ניט גרויס בייא זיך. רב נחמן בר יצחק זאָגט פון דעם פּסוק ווייסין מיר ורם לבבך ושכחת. אַז דיין האַרץ וועט גרויס ווערין וועסטו פאַר געסין אן גאָט. אונ דיא תּורה האָט געזאָגט השמר לך פן תשכח דו זאָלסט דיך היטען טאָמער וועסטו פאַר געסין אן גאָט. אונ אַזוי וויא רבי אָבין האָט געזאָגט פון רבי אלעיס וועגין ווא עס שטייט דעט

א"ר אלעאי דא"ר אבין א"ר אלעאי כל מקום שנאמר השמר פן ואל אינו אלא לא תעשה. דרש רב עוירא ומנין אמר לה משמיה דר' אמי ומנין אמר לה משמיה דר' אסי כל אדם שיש בו גסות הרוח לסוף מתמעט שנא' (איוב כד) רומו מעט יכול ישנו בעולם ת"ל (שם) ואיננו ואם חוזר בו נאסף מן העולם בזמנו שנא' (שם) והומכו ככל יקפצון כאברהם יצחק ויעקב דכתיב בהו (בראשית כד) בכל (שם כז) מכל (שם לג) כל ואם לאו (איוב כד) וכראש שבלת ימלו מאי וכראש שבלת ימלו רב הונא ורב חסדא חד אמר כסאסה דשבלתא וחד אמר כשבלתא עצמה בשלמא למ"ד כסאסא דשבלתא היינו דכתיב וכראש שבלת ימלו אלא למ"ד כשבלתא עצמה מאי וכראש שבלת ימלו אמר רב (אשי) [אסי] וכן תנא דבי רבי ישמעאל משל לאדם שנכנס לתוך שדהו גבוה גבוה הוא מלקט. (ישעיה נז) ואת דכא ושפל רוח רב הונא ורב חסדא חד אמר אתי דכא ות"א אני את דכא ומסתברא כמ"ד אני את דכא שהרי הקב"ה [הניח] כל

מן מעט. מתמיכותו · רומו מעט. כיון שהוא מתמעטין: ישנו בעולם. מתקיים: והומכו יחזור ונעשה מך עניו שממיך את עצמו: ככל. כאלו שנאמר בהם כל: יקפצון. מן העולם ימותו מות ישרים אברהם כתיב ביה וה' ברך את אברהם בכל. יצחק כתיב ביה ואוכל מכל. יעקב כתיב ביה חנני אלהים וכי יש לי כל: כסאסה דשבלתא. גבהו של שבולת שקורין זקן השבולת והוא נשבר ונופל מאליו: גבוה גבוה הוא מלקט. והיינו וכראש שבולת ימלו כשבולת שגבוה ראשה למעלה מחברתה: אתי דכא. אני מגביה את הדכא עד ששוכן אצלי והיינו אשכון את דכא: אני את דכא. אני אצלין

ווארט השמר. אדער דער ווארט פן. אדער דער ווארט אל. מיינט מען אן צו זאגין מען זאל דיא זאך ניט טאהן. האט דיא תורה א געזאגט מען זאל ניט פאר געסין. טאר מען דאך ניט גרויס זיין. ווארום אז מען וועט גרויס זיין וועט מען דאך פאר געסין. רב עוירא האט גידרשת אמאהל האט ער דאס גיזאגט פון רבי אמים וועגין. אונ אמאהל האט ער דאס גזאגט פון רבי אסיס וועגין. דער מענטש וואס איז גרויס ביא זיך. וועט זיין דער סוף זיינער אז ער וועט קליין ווערין. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק רומו מעט. אז זייא וועלין גרויס ווערין. וועלין זייא קליין ווערין. איך וואלט מיינען אז ער וועט זיין אויף דער וועלט. שטייט אין פסוק ואיננו. ער וועט ניט זיין אויף דער וועלט: ער וועט שטארבין געשווינט. אונ אויב ער האט חרטה: ער ווערט צוריק נידעריג: גייט ער אוועק פון דער וועלט צוא דער צייט. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק והומכו ככל יקפצון. אויב זייא וועלין נידעריג ווערין. וועלין זייא אוועק גיין פון דער וועלט אזוי וויא דיא מענטשין וואס עס שטייט ביא זייא כל. אזוי וויא אברהם וואס ביי אים שטייט בכל. אונ אזוי וויא יצחק וואס ביי אים שטייט מכל. אונ אזוי וויא יעקב וואס ביא אים שטייט כל. אונ אויב זייא וועלין ניט נידעריג ווערין. נאר זייא וועלין בלייבין ביי זייער גרויסקייט. שטייט אין פסוק וכראש שבלת ימלו. וואס מיינט מען וכראש שבלת ימלו. רב הונא אונ רב חסדא קריגען. איינער זאגט זייא וועלין פאר שניטען ווערין אזוי וויא דאס אויבערשטע פון דעם זאנג. אונ איינער זאגט זייא וועלין פאר שניטען ווערין אזוי וויא דער זאנג אליין. זאגט דיא גמרא דער וואס זאגט זייא וועלין פאר שניטען ווערין וויא דאס אויבערשטע פון דעם זאנג. איז רעכט וואס עס שטייט וכראש שבלת ימלו. וויא דער שפיץ פון שבלת וועלין זייא פאר שניטען ווערין. אבער דער וואס זאגט זייא וועלין פאר שניטען ווערין וויא דער זאנג אליין. פאר וואס שטייט וכראש שבלת ימלו. וויא דער שפיץ פון שבלת. בארף דאך שטיין וכשבלת וויא דער שבלת. וויא דער זאנג אליין וועלין זייא פאר שניטען ווערין. האט רב אסי גזאגט אונ אזוי האט דבי רבי ישמעאל גילערונט. למשל א מענטש גייט אריין אין זיין פעלד שניידט ער די העכסטע זאנגן פריער. אזוי ראש שבלת מיינט מען ניט דעם שפיץ פון דיא זאנגען. נאר מען מיינט אזוי וויא די העכסטע זאנגן וועגין זיי געשווינט פר שניטען ווערין. אין פסוק שטייט ואת דכא ושפל רוח. רב הונא אונ רב חסדא קריגען. איינער זאגט מען מיינט אתי דכא. נאט זאגט איך וועל אויף הייבין דעם צוא שטוסענעם ביז ער וועט רוהען גיבין מיר. אונ איינער זאגט מען מיינט אני את דכא. גאט זאגט איך וועל מיך נידעריג מאכען אונ וועל רוהען מיט

כל הרים וגבעות ו] השרה שכינתו על הר סיני ולא גבה הר סיני למעלה אמר רב יוסף לעולם ילמד אדם מדעת קונו שהרי הקב"ה הניח כל הרים וגבעות והשרה שכינתו על הר סיני:

יב וא"ר אלעזר כל אדם שיש בו גסות הרוח ראוי לגדע כאשרה כתיב הכא (ישעיה י) ורמי הקומה גדועים וכתיב התם (דברים ז) ואשריהם תגדעון. וא"ר אלעזר כל אדם שיש בו גסות הרוח אין עפרו ננער שנא' (ישעיה כו) הקיצו ורננו שוכני עפר שוכבי עפר לא נאמר אלא שוכני עפר מי שנעשה שכן לעפר בחייו. וא"ר אלעזר כל אדם שיש בו גסות הרוח שכינה מיללת עליו שנא' (תהלים קלח) (כי רם ה' ושפל יראה) וגבוה ממרחק יידע. דרש רב עוירא ואיתימא רבי אלעזר בא וראה שלא כמדת הקב"ה מדת בשר ודם מדת בשר ודם גבוה רואה את הגבוה ואין גבוה רואה

את שכינתו [אנגט]: ילמד אדם מדעת קונו. לאהוב את הנמוכות: כל הרים וגבעות. כגון תבור וכרמל שבאו שם כדכתיב למה תרצדון הרים גבנונים: כאשרה. גדע וכרת אחריו כאשרה שצריך לכרת אחריה כדכתיב ואבדתם את שמם: ננער. מקיץ בתחיית המתים: שוכני עפר לא נאמר. דמשמע על כל מתים: שכן לעפר. משפיל עצמו עד לעפר: מיללת. מקוננת: וגבוה ממרחק יידע. סיפיה דקרא כי רם ה' ושפל יראה וגבוה ממרחק יידע והגבוה ממרחק מקודם שתבא עליו הפורענות ימים רבים יידע שכינה מתאוננת ומשתברת עליו שנו ויודע אלמנותיו וכמו ויודע בהם אנשי סוכות יודע כמניה למעלה לשון שבר: רואה את הגבוה. לקרבו ולהשתדל עמו והטוב בעיניו כמו כבכורה בתאנה בראשיתה ראיתי את אבותיכם נתתי עיני לקרבן ולהכנס:

ואיכא

דעם צוא שטויסענעם. אונ מיר זעהן אז עס איז וויא דער וואס זאגט אז גאט וועט זיך נידעריג מאכען אונ וועט רוהען מיט דעם צוא שטויסענעם. ווארום גאט האט אוועק געלאזען אלע בערג אונ אלע הויכע ערטער אונ האט געמאכט רוהען זיין שכינה אויף דעם בארג סיני. אונ ער האט ניט אויף געהויבען דעם בארג סיני צוא זיך. רב יוסף האט געזאגט אייביג זאל זיך א מענטש אפ לערנען פון גאט ער זאל ליב האבען די מענטשין וואס זענען ביי זיך נידעריג. ווארום גאט האט אוועק געלאזען אלע בערג אונ אלע הויכע ערטער אונ האט געמאכט רוהען זיין שכינה אויף דעם בארג סיני:

יב ואמר. נאך האט רבי אלעזר געזאגט דער מענטש וואס איז גרויס ביי זיך. איז ער ווערט מען זאל אים אפ שניידען אונ אויס רייסען אים מיט דעם ווארציל אזוי וויא אליטרין בוים. דא שטייט ורמי הקומה גדועים. דיא הויכע זאלין ווערין פער שניטען. אונ דארטין שטייט ואשריהם תגדעון. זייערע ליגען בוימער זאלט איר פער שניידין. אזוי וויא דיא ליגען בוימער וואס מען האט צוא זייא געדינט פאר עבודה זרה דארף מען דאך זייא אפ שניידין אונ ארויס רייסען מיט דעם ווארציל. אזוי דיא מענטשין וואס זענין גרויס ביי זיך דארף מען זייא אויך אפ שניידין אונ אויס רייסען מיט דעם ווארציל. נאך האט רבי אלעזר געזאגט דער מענטש וואס איז גרויס ביי זיך. וועט ער ניט לעבעדיג ווערין צוא תחיית המתים: ווארום עס שטייט אין פסוק הקיצו ורננו שוכני עפר. איר וועט אויף וואכען אונ איר וועט זינגען שוכני עפר. האט געדארפט שטיין שוכבי עפר. דיא וואס ליגען אין דער ערד. דאס מיינט מען דיא טויטע. ווארום שטייט שוכני דיא וואס רוהען. נאר מען מיינט דער וואס האט ביי זיין לעבין געוואוינט צוא דיא ערד. ער איז ביי זיך געוועזען נידעריג אזוי וויא דיא ערד. דער וועט נאך זיין טויט לעבעדיג ווערין צוא תחיית המתים. אבער דער וואס איז ביי זיך גרויס געוועזען. וועט ניט אויף שטיין צוא תחיית המתים. נאך האט רבי אלעזר געזאגט דער מענטש וואס איז גרויס ביי זיך. דיא שכינה קלאגט אויף אים. ווייל עס וועט קומען אויף אים יסורים. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק וגבוה ממרחק יידע. דער וואס איז הויך ביי זיך. פון ווייטען אייהדער דיא יסורים קומען אויף אים. טוהט שוין דיא שכינה קלאגין אויף אים. רב עוירא האט גידרשת אנדערע זאגין רבי אלעזר האט גידרשת קום זעה די מדה פון גאט איז ניט ווי די מדה פון אמענטשין די מדה פון אמענטשין איז אגרויסער מאן בהעפט צוא זיך זיין חבר וואס ער איז אויך אגרויסער מאן. למשל דער מענטש וואס איז רייך בהעפט ער זיך מיט נאך אזא רייכען מאן. אבער מיט אארעם

רואה את השפל אבל מדת הקב"ה אינו כן הוא גבוה ורואה את השפל שנאמר כי רם ה' ושפל יראה:

יג אמר רב חסדא אמר מר עוקבא כל אדם שיש בו גסות הרוח אמר הקב"ה אין אני והוא יכולין לדור בעולם שנאמר (תהלים קא) מלשני בסתר רעהו אותו אצמית גבה עינים ורחב לבב אותו לא אוכל אל תקרי אותו אלא אתו. ואיכא דמתני לה אמספרי לשון הרע שנאמר מלשני בסתר רעהו. א"ר אלכסנדרי כל מי שיש בו גסות הרוח אפילו רוח קמעא עוכרתו שנאמר (ישעיה נז) והרשעים כים נגרש (כי השקט לא יוכל) ומה ים שיש בו כמה רביעיות רוח קמעא עוכרתו אדם שאין בו אלא רביעית דם עאכ"ו. א"ר חייא בר אשי אמר רב תלמיד חכם צריך שיהא בו אחד משמונה בשמינית אמר רב הונא בריה דרב יהושע ומעטרא ליה כסאסאה לשבלתא אמר רבא בשמתא מאן דאית ביה ובשמתא מאן דלית ביה. אמר ר"נ בר יצחק לא מינה ולא מקצתה מי זוטרא מ"ד ביה (משלי טז) תועבת ה' כל גבה לב:

איכא דמתני לה אמספרי לשון הרע. משום דרישיה דקרא מלשני בסתר וגו': רוח קמעא עוכרתו. פורענות קלה טורפתו ומאבדתו: והרשעים. גבי הרוח דקרא דלעיל משתעי בשפלים ונדכאים להחיות רוח שפלים וגו' כי לא לעולם אריב וגו' על חטא השפלים בעון בצעו קצפתי ואכהו וגו' דרכיו ראיתי וארפאהו וגו' בורא ניב שפתים וגו' אבל הרשעים שאינם שפלים ונדכאים הים נגרש הים כשהולך וגורש רפש וטיט לשפתיו סביב: כמה רביעיות. לוג של מים הנו רואין בו שרוח קמעא עוכרתו עוכרת את מימיו: אדם שאין בו אלא רביעית אחד שברביעית דם הוא מתקיים וזהו שיעור (שיערו הכמים) הלכה למשה מסיני שברביעית דם (מת) מטמא באהל מפני שהוא נפש וקריא ביה על נפש מת לא יבוא: אחד משמונה בשמינית. משקל קטן הוא והיינו עוכלא כלומר צריך שיהא בו מעט גאוה שלא יהיו קלי הדעת מזלזלין בו ויהיו דבריו מתקבלים עליהם על כרחם: ומעטרא ליה כסאסאה לשבלתא. גסות מעט נאה והוגנת לו לתלמיד חכם ומעטרתו כסאסאה המעטרת לשבולת: בשמתא מאן דאית ביה. גסות הרוח: ובשמתא מאן דלית ביה. גסות פורתא לפי שאין בני עירו יראים ממנו ואין בו כח להוכיחם: לא מינה ולא מקצתה. לא יתפוש אדם לא בכולה ולא במקצתה דמי זוטרא מ"ד ביה קרא תועבת ה' כל גבה לב:

מאן ווערט ער זיך ניט בהעפטין. אבער גאט איז ניט אזוי. ער איז הויך אונ זעהט דעם נידעריגסטען. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק גאט איז הויך אונ דעם נידעריגסטען זעהט ער:

יג אמר. רב חסדא האט געזאגט פון מר עוקבאס וועגין דער מענטש וואס איז גרויס ביי זיך זאגט גאט איך מיט אים קענען מיר ניט וואוהנען צו זאמען אויף דער וועלט. אזו וויא עס שטייט אין פסוק דער וואס רעט אין דער שטיל אויף זיין חבר אים וועל איך פאר שניידין. דער וואס האט הויכע אויגין אונ אברייטע הארץ ווער גלוסט אלץ אונ איז גרויס ביא זיך אותו לא אוכל. זאלסט ניט לייענען אותו. נאר זאלסט לייענען אתו לא אוכל. מיט אים צוא זאמען קען איך ניט וואוהנען אויף דער וועלט. אנדערע לערנען דעם פסוק אויף דיא מענטשין וואס ריידין לשון הרע. ווארום עס שטייט אין פסוק מלשני בסתר רעהו. דער וואס רעט אין דער שטיל אויף זיין חבר: אים וועל איך פאר שניידין. אונ איך קען ניט וואוהנען מיט אים צוא זאמען אויף דער וועלט. רבי אלכסנדרי זאגט דער מענטש וואס איז גרויס ביי זיך. אפילו אקליינער ווינט ווערט אים פאר דארבין: גאט ווערט אים נאר אביסול אשטראף געבין איז ער שוין פאר לארין. ווארום עס שטייט אין פסוק דיא רשעים וועלין שטורעמען וויא דער ים: מאדאך דער ים וואס אין אים איז דא פיל קוואטירלאך וואסער אז עס קומט נאר אביסול אווינט צוא מישט ער שוין דאס וואסער. אמענטש וואס אין אים איז נאר דא איין קוואטירל בלוט: אקוואטירל בלוט איז דא אין הארצין וואס פון דעם לעבט דער מענטש איז געווים אז עס קומט אויף אים אקליין ווינט (נאר אקליינע שטראף) צוא מישט דאס אים באלד. רבי חייא בר אשי האט געזאגט פון רבס וועגין אתלמיד חכם דארף האבען אין זיך אביסול גרויסקייט. אזו ווייניג וויא עס איז אאכטעל פון אאכטעל פונט. רב הונא בריה דרב יהושע זאגט אונ דאס ביסל גרויסקייט בשיינט אים אזוי וויא דער זאנג בשיינט דעם שטרוי. רבא זאגט אין חרם זאל זיין דער וואס האט אין זיך גרויסקייט. אונ אין חרם זאל זיין דער וואס האט אין זיך קיין גרויסקייט גאר ניט. רב נתן בר יצחק זאגט אמענטש דארף גאר ניט האבען קיין גרויסקייט. אביסול אויך ניט. איז דען ווייניג וואס עס שטייט אין פסוק עס איז פאר מיאוסט ביא גאט דער וואס זיין הארץ איז גרויס:

יד אמר חזקיה אין תפלתו של אדם נשמעת אלא א"כ משים עצמו כבשר שנאמר (ישעיה סו) והיה מדי חדש בחדשו ומדי שבת בשבתו יבא כל בשר להשתחות לפני אמר ה' א"ר זירא בשר כתיב ביה (ויקרא יג) ונרפא אדם לא כתיב ביה ונרפא. א"ר יוחנן אדם "אפר "דם "מרה בשר "בושה "סרוחה "רמה ואיכא דאמרי "בושה "שאול "רמה דכתיב בשי"ן. אמר רב אשי כל אדם שיש בו גסות הרוח לסוף נפחת שנאמר (שם יד) ולשאת ולספחת ואין שאת אלא לשון גבהות שנאמר (ישעיה ב) ועל כל ההרים הרמים ועל כל הגבעות הנשאות ואין ספחת אלא טפילה שנאמר (ש"א ב) ואמר ספחני נא אל אחת הכהונות לאכול פת לחם. א"ר יהושע בן לוי בא וראה כמה גדולים נמוכי הרוח לפני הקב"ה שבזמן שבהמ"ק קיים אדם מקריב עולה שכר עולה בידו מקריב מנחה שכר מנחה בידו אבל מי שדעתו שפלה מעלה עליו הכתוב כאילו הקריב

כל

כבשר שהוא רך ולא כאבן שהוא קשה: להשתחוות. להתפלל אותם שהם כבשר יבואו ויתפללו כי הם נשמעים לפני אבל גסי הרוח לא יבואו: בשר כתיב ביה ונרפא. ובשר כי יהיה בו בעורו שחין ונרפא אדם כי יהיה בעור בשרו נגע צרעת כי תהיה באדם לא כתיב נרפא באחד מינייהו לפי דרכך אתה למד שמי שהוא רך ועניו כבשר קרוב להתרפאות מיסורין הבאים עליו אבל מי שהוא קשה כאדמה אין רפואה למכותיו דרות קמעא עוכרתו: אדם. למה נקרא שמו אדם שהוא אפר דם מרה כלומר כולו הבל לכך לא יתגאה מרה הוא לחלוחית מרה היוצאת מן המרירה שבכבד ומתגברת באדם הכל לפי החדשים ושינוי העתים ולפי המאכל שאוכל ועל ידיה באים חלאים ונגעים ומכאובים יש שקרוי בדברי הרופאים מרה שחורה ויש שקרוי מרה אדומה: שאול. מקום שאול ביתו: נפחת. מתמעט מחשיבתו ונעשה פחות באנשים: ולשאת ולספחת. ע"י שמנשא את עצמו בא לידי ספחת שאינו עיקר באנשים אלא נספח וטפל: טפלה. דבר שאינו חשוב בעצמו ומטפל לאחרים: ספחני נא. אספני נא בגזירת בית עלי משתעי קרא אעמיד כהנים גדולים אחרים שיוציאו את כהני זרעך מגדולתם ויצטרכו לבקש מהם לאוספם ולקוטם אצלם: אל אחת הכהונות. באחת מן המשמרות: שכר עולה

יד אמר: חזקיה האט געזאגט די תפלה פון מענטשן ווערט אנדערש ניט געהערט. נאר סיידן דער מענטש איז ביי זיך אזוי ווייך ווי פלייש. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק יעדער ראש חודש און יעדער שבת וועלין קומען אלע פלייש זיך בוקן פר מיר האט גאט געזאגט: אלע פלייש מיינט מען די אלע מענטשן וואס זענען ביי זיך נידעריג און ווייך אזוי ויא פלייש. וועלין זיך בוקין פאר גאט. אבער דיא מענטשין וואס זענען הארט און גרויס ביי זיך. זייער בוקין און זייערע תפלות וועלין ניט אן גינומען ווערין פאר גאט. רבי זירא זאגט ביי בשר שטייט ונרפא. עס שטייט אין פסוק ובשר כי יהיה בו בעורו שחין ונרפא. אז דער מענטש איז ביי זיך ווייך וויא פלייש: אפילו עס טרעפט איהם אמאהל אמכה. וועט ער אויסגעהיילט ווערין. אבער ביי אדם שטייט ניט ונרפא. עס שטייט נגע צרעת כי תהיה באדם. אז אין אמענטש וועט זיין אנגע צרעת. און עס שטייט ניט זיא וועט געהיילט ווערין. ווארום אז ער איז ביי זיך אמענטש. גרויס ביי זיך. וועט איהם גאט ניט היילין פון זיינע יסורים. רבי יוחנן זאגט פאר וואס רופט מען דעם מענטש אדם. ווייל אדם איז דרייא ווערטער. אפר דם מרה. דער מענטש איז אש און בלוט און גאל: פאר וואס רופט מען דעם מענטש בשר: ווייל בשר איז דרייא ווערטער. בושה סרוחה רמה. ער איז פאר שעמט. און פאר שטונקען: און ווערים וועלין איהם עסין. אנדערע זאגין דיא דרייא ווערטער מאכט בשר. בושה שאול רמה: ער איז פאר שעמט. און וועט גיין אין גרוב. און ווערים וועלין איהם עסין. ווארום בשר שטייט מיט אשי"ן: דריבער לייענין מיר שאול און ניט סרוחה מיט אסמי"ך. רב אשי זאגט דער מענטש וואס איז גרויס ביי זיך. וועט ער ווייניגער ווערין. ווארום עס שטייט אין פסוק ולשאת ולספחת. שאת מיינט מען גרוסקייט: אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ועל כל ההרים הרמים. אויף אלע הויכע בערג: ועל כל הגבעות הנשאות. און אויף אלע הויכע ערטער. און ספחת איז טייטש אבהעפטונג. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ואמר ספחני נא. ער וועט זאגין בהעפט מיך נאר צו איינע פון דיא בעדינונגען איך זאל האבין צו עסין אשטיקול ברויט: דער וואס איז פריער גרויס גוועזן. וועט ער דער נאך זיין אבהעפטונג צו אנדערע מענטשין: אבער ער אליין וועט גאר ניט גערעכנט זיין: רבי יהושע בן לוי זאגט קום און זעה וויא גרויס זענין ביי גאט דיא מענטשין וואס זענין קליין ביי זיך. ווען דער בית המקדש איז געשטאנען אויב אמענטש האט מקריב געוועזן אעולה. האט ער געהאט שכר

כל הקרבנות כולן שנאמר (תהלים נא) זבחי אלהים רוח נשברה ולא עוד אלא שאין תפלתו נמאסת שנאמר (שם) לב נשבר ונדכה אלהים לא תבזה:

טו וא"ר יהושע בן לוי כל השם אורחותיו בעולם הזה זוכה ורואה בישועתו של הקב"ה שנאמר (תהלים נ) ושם דרך אראנו בישע אלהים אל תקרי ושם אלא ושם:

(דף ו) **טז והלכה** והיתה לאיש אחר (דברים כד) אמר רב יוסף הכתוב קראו אחר שאין זה בן זוגו של ראשון שזה הוציא רשעה מביתו וזה הכניס רשעה לתוך ביתו:

(דף ז) **יז [משנה]** היו מעלין אותה לב"ד הגדול שבירושלים ומאיימין עליה כדרך שמאיימין על עדי נפשות ואומרים לה בתי הרבה יין עושה הרבה שחוק עושה הרבה ילדות עושה הרבה שכנים הרעים עושים עשי לשמו הגדול שנכתב בקדושה שלא ימחה על המים ואומרים לפניה דברים שאינה כדאי לשומען היא וכל משפחת

בידו. ולא שכר קרבן אחד: זבחי. כל הזבחים במשמע:
השם אורחותיו. מחשב הפסד מצוה כנגד שכרה של מצוה: אל תקרי ושם. בשמאל אלא ושם בימין:
הכתוב קראו אחר. למי שנושאה: שאין זה בן זוגו של ראשון. אם ישאנה:
ומאיימין עליה. שתהא מודה: על עדי נפשות. כדאמרינן בסנהדרין הוו יודעין שלא כדיני ממונות דיני נפשות וכו' בפרק אחד דיני ממונות: הרבה ילדות עושה. וגורם לנערה ילדה (שכלה) [שתבא] לידי קלקול ושמא אמת הדבר אל תביאי עצמך לידי מיתה מנוולת זו: שכנים רעים. יודעין לפתות ומצוין לה תמיד: שאינה כדאי לשומען. אינה ראויה לשומען שאומרים לפניה דברי הודאות

(בראשית כא) **ויטע** אשל בבאר שבע אמר ריש לקיש מלמד שעשה פרדס ונטע בו כל מיני מגדים ר' יהודה ור' נחמיה חד אמר פרדס וחד אמר פונדק בשלמא למ"ד פרדס היינו דכתיב ויטע (אשל בבאר שבע ואמר ריש לקיש שעשה פרדס ונטע בו כל מיני מגדים) אלא למ"ד פונדק מאי ויטע כדכתיב (דניאל יא) ויטע אהלי אפדנו בין ימים להר צבי קדש. (בראשית כא) ויקרא שם בשם ה' אל עולם אמר ריש לקיש אל תקרי ויקרא אלא

מלכים ונביאים בישראל: דאתי מהאי גיסא. שהיתה יושבת באמצע שפוע ההר הבא לה מראש ההר יורד והבא לה מרגלי ההר עולה: כגון וורדינא ובי בארי וכרש. עיירות הן היושבות בשפולי ההרים: מצפות לראותה. שהיו רגילים להתקבץ שם ולגלות והיה תאב עיניהם: שנתנה עיניה לדבריה. דוגמא ופתחי היתה נותנת לעצמה שאין עבירה בדבר: גיורת אני. ואיני עובדת עבודה זרה וראוי לך: שמא אשת איש את. ואינך ראויה לי: פנויה אני. וראוי לכל אדם: יתומה אני. והייתי קטנה והשיאוני אמי ואחי ואין לער ואונן נשואין ליאסר עליו משום כלתו דאין זכות לאם ולאחים להשיא הקטנה אלא האב אבל הם כדכתיב את בתי נתתי לאיש הזה לאשה ולכן סברא לאו בתו של שם היתה שמשנת שנים ליעקב כלים בנותיו של שם ויעקב ההר היה יותר מבן מאה (ועברים) [ועשר] שנה: טהורה אני. מגדים: ונטע בו. להכנות עוברים ושבים: פונדק. לנין שם אורחין לשון א"ל נוטריקון הוא "אכילה "שתייה "לויה שהיה מאכילם ומשקן ומלוה אותם: ויטע אהלי אפדנו. פסוק הוא בדניאל על אחד מהמלכים: אלא ויקריא. למד לבריות לקרוא בשם אלהי

גיין. רב פפא זאגט איין תמנת איז גיוועזן. אונ זיא איז גישטאנען אויף דעם מיטען ארויף גאנג פון בארג. דער וואס איז גיגאנגען פון שפיץ בארג אראפ: בייא אים איז גיוועזן תמנת אין דער נידער. אונ דער וואס איז גיגאנגען פון אונטען ארויף בארג. בייא אים איז גיוועזן תמנת אין דער הייך. אזוי וויא ווארדנא. אונ בי בארי. אונ שוקא דנרש. דיא דרייא שטעט זענען אויך גישטאנען אויף דעם מיטען ארויף גאנג פון בארג. עס שטייט אין פסוק תמר איז גיזעסן בפתח עינים. וואס מיינט מען פתח עינים. האט רבי אלכסנדרי גזאגט דער פסוק דער ציילט אונז אז תמר איז גיגאנגען אונ האט זיך גיזעצט בייא דיא טיר פון אברהם אבינו. וואס אלע אויגין האפין דעם ארט צו זעהן. רבי חנין זאגט עס איז דא אארט וואס הייסט עינים. אונ אזוי שטייט אין פסוק תפוח אונ העינם. רבי שמואל בר נחמני זאגט תמר האט גיגעבין אויגין צו אירע רייד. זיא האט געוויזען אז אירע רייד זענען אזוי אמת גלייך וויא מען וואלט מיט דיא אויגין גיזעהן. אז יהודה מעג בייא איר זיין. ווען יהודה האט גיוואלט זיין בייא תמר. האט ער זיא גיפרעגט טאמער ביסטו אגויה. האט תמר גזאגט איך האב מיך מגייר גיוועזן. האט יהודה איר גיפרעגט טאמער האסטו אמאן: האט תמר גזאגט איך בין אליידיגע. האט יהודה איר גיפרעגט טאמער האט דיך דיין פאטער מקדש גיוועזן צו איינעם אונ ער האט גינומען דיא קידושין פון דיינעטוועגין. האט תמר גזאגט איך בין איתומה. האט יהודה איר גיפרעגט טאמער ביסטו טמא. האט זיא גיענטפערט איך בין ריין:

ויטע. אין פסוק שטייט אברהם האט גיפלאנצט אאשל אין באר שבע. ריש לקיש זאגט דער פסוק דער ציילט אונז אז אברהם אבינו האט גימאכט אוויין גארטין. אונ האט אין אים גיפלאנצט אלע ערליי גוטע פרוכטען. דיא מענטשין וואס ווערין פאר בייא גיין זאלין עסין אונ הנאה האבין פון דיא פירות. רבי יהודה אונ רבי נחמיה קריגען. איינער זאגט אשל מיינט מען אוויין גארטין. אונ איינער זאגט אשל מיינט מען אגאסט הויז. זאגט דיא גמרא דער וואס זאגט אשל מיינט מען אוויין גארטין. איז רעכט וואס עס שטייט ויטע ער האט גיפלאנצט. אבער דער וואס זאגט אשל מיינט מען אגאסט הויז. פאר וואס שטייט ער האט

(ע"ב) אי **א** ויקריא מלמד שהקריא אברהם שמו של הקב"ה בפה כל עובר ושב כיצד לאחר שאכלו ושתו עמדו לברכו אמר להם וכי משלי אכלתם משל אל עולם אכלתם הודו וברכו למי שאמר והיה העולם:

(בראשית לח) **כז ויראה** יהודה ויחשבה לזונה כי כסתה פניה משום דכסתה פניה חשבה לזונה א"ר אלעזר שכסתה פניה בבית חמיה דא"ר שמואל בר נחמני א"ר יונתן כל כלה שצנועה בבית חמיה זוכה ויוצאים ממנה מלכים ונביאים מנלן מתמר נביאים דכתיב (ישעיה א) חזון ישעיהו בן אמוץ מלכים מדוד וא"ר לוי דבר זה מסורת בידנו מאבותינו אמוץ ואמציה אחים היו. (בראשית לח) היא מוצאת והיא שלחה אל חמיה היא מתוצאת מיבעיא ליה אמר רבי אלעזר לאחר שנמצאו סימניה **בא** סמאל **ורחקן** בא גבריאל **וקרבן** והיינו

אלא יקראו אל עולם: כיצד לאחר שאכלו ושתו. עמדו ועומדים לברכו להקב"ה אמר להם וכי משלי אכלתם:
כי כסתה פניה בבית חמיה. ולא ראה אותה כל ימיה: גדלה בביתו לפיכך לא הכיר בה: (נ"א בכסתה פניה בבית חמיה וה"ק תוס' שהיה בלבו שהיא תמר טועה היה בכך נומר אחרת היא שהרי תמר צנועה היא): ממנה. הביא כל ישעיה ואמציה מלך יהודה אחים היו והמלך מזרע דוד היה והמון אמוץ נביא היה אלמא נביאים נפקו מינה: היא מוצאת. משמע לבון מגילה: היא מתוצאת. הוה משמע לבון הוצאה בעל כרחה: סימניה. אותם ופתילים ומטה: בא סמאל. בהוה שר של אדום: ורחקן. כדי שתשרף ולא יצא דוד מזה המכה את אדום בגיא מלח ששים עשר אלף: יונת אלם

גיפלאנצט . ענטפערט דיא גמרא ביי אגיצעלט זאגט מען אויך גיפלאנצט . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ויטע אהלי אפדנו . ער האט גיפלאנצט דיא גיצעלטין פון זיין פאלאסט. עס שטייט אין פסוק ויקרא שם בשם ה' אל עולם . זאגט ריש לקיש זאלסט ניט לייענען ויקרא . נאר זאלסט לייענען ויקריא . ער האט גימאכט רופין . דער פסוק דער ציילט אונז אז אברהם האט גימאכט רופין דעם נאמען פון גאט אין דיא מיל פון איטליכע דורך גייער . וויא אזוי . דיא מענטשין וואס זענען גיגאנגען אין וועג פלעגט זייא אברהם אריין בעטין צו זיך . אונ פלעגט זייא געבין עסין אונ טרינקען . דער נאך וויא זייא האבען אפ גיגעסין אונ אויס געטרונקען . האבען זייא זיך גישטעלט לויבין אונ בענטשין אברהם אבינו . האט אברהם צו זייא גזאגט האט איר דען מיינס גיגעסין . איהר האט געגעסין פון דעם גאט וואס האט בשאפין דיא וועלט . האבען זייא גילויבט אונ גיבענטשט צו גאט וואס ער האט בשאפין דיא וועלט מיט זיין זאג :

כז ויראה . עס שטייט אין פסוק ווען יהודה האט גיזעהן תמר האט ער זיא גירעכנט פאר אזונה . ווייל זיא האט צוא גידעקט איר פנים . פרעגט דיא גמרא ווייל זיא האט צו גידעקט איר פנים דריבער האט ער איר גירעכנט פאר אזונה . האט רבי אלעזר גזאגט אזוי מיינט מען ווייל זיא האט צוא גידעקט איר פנים ווען זיא איז גיוועזן ביי איר שווער יהודה אין שטוב . האט איר יהודה קיין מאהל ניט גיזעהן דריבער האט ער זיא איצט ניט דער קענט . וואריום רבי שמואל בר נחמני האט גזאגט פון רבי יונתן וועגין : דיא שנור וואס איז פרום ווען זיא איז ביי איר שווער אין שטוב . איז זיא זוכה פון איר זאל גיבארין ווערין מלכים אונ נביאים . דאס ווייסין מיר פון תמר . פון תמר איז גיבארין גיווארין נביאים אזוי וויא עס שטייט אין פסוק חזון ישעיהו בן אמוץ : דיא נבואה פון ישעיהו דער זוהן פון אמוץ . מלכים איז ארויס גיקומען פון דוד המלך . אונ רבי לוי האט גזאגט דיא זאך ווייסען מיר פון אונזערע עלטערין . וואס זייא האבען אונז גזאגט . אז אמוץ אונ אמציה זענען גיוועזן ברידער . אונ אמציה דער מלך פון יהודה איז ארויס גיקומען פון דוד . איז דאך אמוץ אויך ארויס גיקומען פון דוד . זענען דאך פון דוד ארויס גיגאנגען מלכים אונ נביאים . אונ דוד איז ארויס גיקומען פון תמר . עס שטייט אין פסוק היא מוצאת והיא שלחה אל חמיה ; פרעגט דיא גמרא מוצאת איז טייטש גיפונען ; האט דאך גידארפט שטיין היא מתוצאת . זיא איז אויס גיצויגין גיווארין . האט רבי אלעזר גזאגט מען מיינט טאקי גיפונען . היא מוצאת . דער נאך וויא זיא האט גיפונען דיא סימנים . האט זיא געשיקט צום שווער . סמאל דער שר פון אדום האט דער ווייטערט דיא סימנים . זיא זאל זייא ניט געפינען . ועט מען איר פאר ברענגען וועט דוד המלך ניט גיבארין ווערין . איז גיקומען דער מלאך גבריאל

והיינו דכתיב (תהלים נו) למנצח על יונת אלם רחוקים לדוד מכתם א"ר יוחנן (לאחר) [בשעה] שנתרחקו סימניה נעשית כיונה אלמת. לדוד מכתם שיצא הימנה דוד שמך ותם לכל ד"א מכתם שהיה מכתו תמה שנולד כשהוא מהול ד"א מכתם כשם שבקטנותו הקטין עצמו אצל מי שגדול ממנו ללמוד תורה כך בגדולתו הקטין עצמו אצל מי שגדול ממנו ללמוד תורה. (בראשית לח) **והיא** שלחה אל חמיה לאמר לאיש אשר אלה לו אנכי הרה ותימר ליה מימר א"ר זוטרא בר טוביה אמר רב חנה בר ביזנא א"ר שמעון חסידא ואמרי לה א"ר יוחנן משום ר' שמעון בן יוחאי נוח לו לאדם שיפיל עצמו לתוך כבשן האש ואל ילבין פני חבירו ברבים כנא לן מתמר. (שם) הכר נא א"ר חמא בר חנינא בהכר בשר לאביו בהכר בשרוהו. בהכר בשר (שם לז) הכר נא הכתנת בנך היא אם לא בהכר בשרוהו הכר נא למי החותמת והפתילים הכר נא אין נא אלא לשון בקשה אמרה.

רחוקים. על עסקי הרחקה שנעשו סימניה רחוקים: לדוד מכתם. לאותה שהיא ראויה ועומדת לצאת ממנה דוד שהוא מך עניו: ותם. תמים בדרכיו: מכתו תמה. מקום מילה שהוא ראוי למכה היה תם ושלם שלא הוצרך להכרו: דבר אחר כשם שבקטנותו. קודם שמלך כך בגדולתו לאחר שמלך ולשון מכתם שהיה מכהו שלמה והנימוה מתהלת: ועד סופה לא נחסרה ענוותנותו ולא נשתנית: ושלחה וגו' לאיש אשר אלה לו. ולא שלחה לו לומר ממך אני הרה והני סימנים שלך: ותימר ליה מימר. לשליח אמור לו שממנו אני הרה ואלו סימניו: ואל ילבין כו'. ואף זו נוח היה לה לישרף ואל תלבין פניו לפיכך שלחה לו כן אם יודה ויגלה הוא עצמו את הדבר יגלה ואם לאו תשרף ואל תגלה היא את הדבר: בהכר בשר את אביו. דבר שנצטער בו ונהכר

אונ האט גיליינט דיא סימנים געבין איר : זיא זאל זייא שיקען צוא יהודה . אונ מען זאל איר ניט פאר ברענגען . דאס איז וואס עס שטייט אין פסוק למנצח על יונת אלם רחוקים לדוד מכתם . האט רבי יוחנן גזאגט דוד המלך האט גזאגט אלויב צוא גאט אונ ער האט דער ציילט יונת אלם רחוקים . ווען דיא סימנים זענען דער ווייטערט גיווארין : אונ תמר האט גימיינט מען וועט איר פאר ברענגען . איז זיא גיוועזן אזוי וויא אשטיב וואס איז שטום . לדוד מכתם ; וואס פון איר איז גיבארין גיווארין דוד וואס ער איז גיוועזן ביי זיך ארעם נידעריג וויא אארעם מאן ; אונ גאנץ אין פרומקייט צוא גאט אונ צוא אלע מענטשין . אנדערע זאגין מכתם מיינט מען זיין מכה . דיא מילה . איז גיוועזן גאנץ . מען האט אים ניט גידארפט מל זיין ; ווארום ער איז גיבארין גיווארין גימלת . אנדערע זאגין מכתם מיינט מען אזוי וויא דוד אין זיינע יונגע יאהרין איז ביי זיך קליין גיוועזן . געגין דעם וואס איז גרעסער גיוועזן פון אים . ער זאל ביי אים לערנען תורה . אזוי ווען דוד איז שוין גרויס גיוועזן ; ער איז שוין גיוועזן א מלך . פון דעסטוועגין איז ער ביי זיך קליין גיוועזן . געגין דעם וואס איז גרעסער גיוועזן פון אים . ער זאל ביי אים לערנען תורה . אין פסוק שטייט תמר האט געשיקט צוא איר שווער מען זאל אים זאגין צוא דעם מענטש וואס דיא זאכען זענען דיינע בין איך טראגין . פרעגט דיא גמרא פאר וואס האט זיא אים ניט גזאגט גלייך . פון דיר בין איך מעוברת . האט רב זוטרא בר טוביה גזאגט פון רבס וועגין . אנדערע זאגין רב חנה בר ביזנא האט גזאגט פון רבי שמעון חסידאס וועגין . אנדערע זאגין רבי יוחנן האט גזאגט פון רבי שמעון בן יוחאים וועגין . עס איז בעסער פאר דעם מענטשין ער זאל זיך אריין ווארפען אין אברענענדיגען קאלך הויבין . אונ ער זאל ניט פאר שעמען זיין חבר פאר פיל מענטשין . דאס ווייסען מיר פון תמר . זיא האט גיטראכט ווען יהודה מודה זיין אז פון אים בין איך מעוברת . איז גוט . אונ אויב ניט וועט זי פר ברענט ווערין אונ וועט אים ניט פאר שעמען . עס שטייט אין פסוק תמר האט גזאגט צוא יהודה הכר נא . האט רבי חמא בר חנינא גזאגט יהודה האט אן גזאגט דעם פאטער מיט דעם ווארט הכר דער קען . מיט דעם ווארט הכר האט מען אים אן גזאגט . מיט דעם ווארט הכר הט יהודה אן גזאגט צו זיין פאטער . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק יהודה האט גזאגט צום פאטער הכר נא ; דער קען אויב דיא העמדיל איז פון דיין זוהן . אדער ניין . מיט דעם ווארט הכר האט מען אים אן גזאגט . אזו וויא עס שטייט אין פסוק מען האט גזאגט צוא יהודה הכר נא . דער קען צוא וועמען גיהער דיא חתימה מיט דיא פעדים . עס שטייט אין פסוק הכר נא ; איז דער ווארט נא איבעריג . נאר נא

אמרה לו בבקשה ממך הכר (נא) [פני] בוראך ואל תעלים עיניך ממני. (שם לח) ויכר יהודה ויאמר צדקה ממני היינו דאמר ר' (חמא) [חנין] בר ביזנא א"ר שמעון חסידא יוסף שקדש שם שמים בסתר זכה והוסיפו לו אות אחת משמו של הקב"ה דכתיב (תהלים פא) עדות ביה(ס)ף שמו יהודה שקדש שם שמים בפרהסיא זכה ונקרא כולו על שמו של הקב"ה כיון שהודה ואמר צדקה ממני יצתה בת קול ואמרה אתה הצלת תמר ושני בניה מן האור חייך שאני מציל בזכותך ג' מבניך מן האור מאן ניהו חנניה מישאל ועזריה. צדקה ממני מנא ידע יצתה בת קול ואמרה ממני יצאו כבושים. (בראשית לח) ולא יסף עוד לדעתה אמר שמואל סבא חמוה דרב שמואל בר אמי [משמיה דרב שמואל בר אמי] כיון שידעה שוב לא פסק ממנה כתיב הכא ולא יסף עוד לדעתה וכתיב התם (דברים ה) קול גדול ולא יסף:

בשרוסו: מנא ידע. שממנו היא מעוברת שמא אף אחרים באו עליה: ויאמר. בת קול אמרה: כבושים. דברים עלומים שנגזרו מלפני שיצאו מזו מלכים ואף אפשר לצאת אלא מיהודה כדכתיב גור אריה יהודה כבושים דברי סתר גזירת מלך כמו בהדי כבשי דרחמנא למה לך בברכות גבי חזקיהו: כיון שידעה. שידע בה שהיא צדקת ולש"ש נתכוונה:

מקן

לח פיסקא אבשלום נתגאה בשערו וכו'. ת"ר אבשלום בשערו מרד שנאמר (ש"ב יד) וכאבשלום לא היה איש יפה בכל ישראל להלל מאד

מכף

איז טײַטש איך בעט דיך. תָּמָר האָט גזאָגט צוא יְהוּדָה איך בעט דיך דער קען דײַן בשעפער. און זאָלכט ניט אַװעק קערין דײַנע אױגען פון מיר. האָט יְהוּדָה דער קענט. און ער האָט גזאָגט זיא איז גירעכט פון מיר איז זיא מְעוּבֶּרֶת. דאָס איז װאָס רַבִּי חָנִין בַּר בִּיזְנָא האָט גזאָגט פון רַבִּי שִׁמְעוֹן חֲסִידָאס װעגין. יוֹסֵף װאָס ער האָט גיהייליגט דעם נאָמען פון גאָט אין דער שטיל. האָט ער זוֹכֶה גיװעזן מען האָט גימערט צוא זײַן נאָמען איין אות פון דעם נאָמען פון גאָט. מען האָט צוא גיגעבין צוא דעם נאָמען יוֹסֵף אַ ה׳: אַזױ װיא עס שטייט אין פָּסוּק עֵדוּת בִּיהוֹסֵף שָׂמוֹ. יְהוּדָה װאָס ער האָט גיהייליגט דעם נאָמען פון גאָט פאַר פיל מענטשין. האָט ער זוֹכֶה גיװעזן. און ער װערט גירופען אין גאַנצען אױף דעם נאָמען פון גאָט: װאָרום אין דעם װאָרט יְהוּדָה. איז דאָך דאָ דער שֵׁם הוי־ה. װיא יְהוּדָה האָט מוֹדֶה גיװעזן און האָט גזאָגט זיא איז גירעכט פון מיר איז זיא מְעוּבֶּרֶת. איז אַרױס גיגאַנגען אַקול פון הימעל און האָט גזאָגט צוא יְהוּדָה דוא האָסט מַצִּיל גיװעזן דרייא מענטשין פון פײַער: תָּמָר מיט אירע צװייא קינדער. איך שװער בײַא דײַן לעבין אַז פון װעגין דײַן זְכוּת װעל איך מַצִּיל זײַן דרייא מענטשין פון דײַנע קינדער פון פײַער. װער זענען זייא. דאָס איז חֲנַנְיָה מִישָׁאֵל וַעֲזַרְיָה. אין פָּסוּק שטייט יְהוּדָה האָט גזאָגט צְדָקָה מִמֶּנִּי. תָּמָר איז גירעכט פון מיר איז זיא מְעוּבֶּרֶת. פרעגט דיא גְּמָרָא פון װאַנען װייס ער אַז זיא איז מְעוּבֶּרֶת פון אים. טאָמער האָט זיא מְזַנֶּה גיװעזן מיט איין אַנדערין אױך: און פון יענעם איז זיא מְעוּבֶּרֶת. ענפערט דיא גְּמָרָא יְהוּדָה האָט נאָר גזאָגט דעם װאָרט צְדָקָה. זיא איז גירעכט. און אַקול פון הימעל איז אַרױס גיגאַנגען און האָט גזאָגט דעם װאָרט מִמֶּנִּי. פון מיר זענען אַרױס גיגאַנגען דיא פאַר הױלענע זאַכען: גאָט האָט אַזױ גיװאָלט אַז פון יְהוּדָה מיט תָּמָר זאָלין גיבאָרין װערין מְלָכִים מיט נְבִיאִים. עס שטייט אין פָּסוּק וְלֹא יָסַף עוֹד לְדַעְתָּה. האָט דער אַלטער שְׁמוּאֵל דער שװער פון רַב שְׁמוּאֵל בַּר אַמִּי גזאָגט פון רַב שְׁמוּאֵל בַּר אַמִּיס װעגין. װיא יְהוּדָה האָט געװאוּסט אַז זיא איז אַצַּדֶּקֶת האָט ער שױן ניט אױף גיהערט פון איר. האָט ער איר גיהאַלטען פאַר אַװײַב. װאָרום דאָ שטייט וְלֹא יָסַף עוֹד לְדַעְתָּה. און דאָרט שטייט קוֹל גָּדוֹל וְלֹא יָסָף. אַזױ װיא דאָרט איז דער טײַטש וְלֹא יָסָף: עס האָט ניט אױף גיהערט. אַזױ דאָ איז אױך דער טײַטש וְלֹא יָסַף. ער האָט ניט אױף גיהערט:

לח פִּיסְקָא. אַבְשָׁלוֹם האָט זיך גרױס גיהאַלטען מיט זײַנע האָר: דיא רַבָּנָן האָבען גילערנט אַבְשָׁלוֹם האָט געזינדיגט מיט זײַנע האָר. אַזױ װיא עס שטייט אין פָּסוּק אַזױ װיא אַבְשָׁלוֹם איז ניט גיװעזן קיין שײנער מענטש צװישען אַלע יודין. ער איז גיװעזן זייער שײן צום

מכף רגלו ועד קדקדו לא היה בו מום ובגלחו את ראשו והיה מקץ ימים לימים אשר יגלח כי כבד עליו וגלחו ושקל את שער ראשו מאתים שקלים באבן המלך. תנא אבן שאנשי טבריא ואנשי ציפורי שוקלין בה לפיכך נתלה בשערו שנאמר (שם יח) ויקרא אבשלום לפני עבדי דוד ואבשלום רוכב על הפרד ויבא הפרד תחת שובך האלה הגדולה ויחזק ראשו באלה שקל כפסירא בעא למפסקיה תנא דבי רבי ישמעאל באותה שעה ראה גיהנם שנבקעה מתחתיו. (שם יט) וירגז המלך ויעל על עלית השער ויבך וכה אמר בלכתו בני אבשלום בני בני אבשלום מי יתן מותי אני תחתיך אבשלום בני בני והמלך לאט את פניו ויזעק המלך קול גדול בני אבשלום אבשלום בני בני, הני תמניא זמני בני למה. ז' דאסקיה מז' מדורי גיהנם אידך א"ד דקריב רישיה לגבי גופיה וא"ד דאתייה לעלמא דאתי. (שם יח) ואבשלום לקח ויצב לו בחייו את מצבת אשר בעמק המלך כי אמר אין לי בן בעבור הזכיר שמי ויקרא ל מצבת על שמו ויקרא לה יד אבשלום עד היום הזה. מאי לקח [אמר ר"ל] שלקח מקח ר ע לעצמו (שם) את מצבת אשר בעמק המלך

מקץ ימים לימים. משנה לשנה שגזיר עולם סיא ומגלה אהה לי"ב הדשים: דקריב רישיה לגבי גופיה. שהיה ראשו מושלך רחוק מגופו וקרבו: ויקרא למצבת על שמו. גרס לאותה רעה שתקרא על שמו: ויקרא לה יד אבשלום. כך שיא נקראת: שלקח מקח רע לעצמו. כ"ק קרא ואבשלום לקח (בשררה) [לו את המצבה] כאות בחייו ויצב לו את מצבת

לויבין אים. פון דיא פיס ביז צום קאפ איז ניט געוועזן אין אים קיין פעלער. אונ אז ער פלעגט אפ שערין דיא האר פון קאפ אונ אלע ענדע יאהר פלעגט ער אפ שערין דיא האר. אז דיא האר פלעגט אים שווער ווערין צו טראגין פלעגט ער זייא אפ שערין אונ דיא האר פון זיין קאפ האבען געוואגין צוויא הונדערט טאלער אויף דיא קעניגליכע געוויכט. ומיר האבען גילערונט מיט דיא וואג פלעגין ווענין. דיא מענטשין פון טבריא אונ דיא מענטשין פון צפורין. דריבער איז אבשלום אויף גיהאנגען גיווארין ביי דיא האר. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אבשלום איז גיטראפין גיווארין פאר דיא קנעכט פון דוד. אונ אבשלום האט גערייטען אויף א אייזיל. אונ דער אייזיל איז גיקימען אונטער דיא צווייגין פון א גרויסין בוים האט זיך פארטשעפעט דיא האר פון זיין קאפ צווישען דיא צווייגין פון בוים. איז ער געבליבען איינגען. אונ דער אייזיל איז אנטלאפין. האט אבשלום גינומען זיין שווערד אונ האט גיוואלט אפ האקין דיא האר אדער דעם צווייג. האט דבי רבי ישמעאל גילערונט ביי דער צייט האט אבשלום דער זעהן דער גיהנם האט זיך גישפאלטין אונ גיעפינט אונטער אים. אויב ער וועט אפ האקין דיא האר פאלט ער אריין גלייך אין גיהנם. עס שטייט אין פסוק דער מלך דוד איז פאר ציטערט גיווארין אונ ער איז ארויף גיגאנגען אויף דעם בוידים פון טויער. אונ האט גיוויינט. אונ אזוי האט ער גזאגט ווען ער איז גיגאנגען. מיין זוהן אבשלום. מיין זוהן. מיין זוהן אבשלום. ווער וואלט געבין איך זאל שטארבין פון דיינעט וועגין. אבשלום מיין זוהן מיין זוהן. אונ דער מלך האט פאר דעקט זיין פנים. אונ דער מלך האט געשריגען מיט א גרויסע שטימע. מיין זוהן אבשלום. אבשלום מיין זוהן מיין זוהן. פרעגט דיא גמרא צוא וואס האט דוד המלך גזאגט אכט מאהל מיין זוהן. ענטפערט דיא גמרא זיבען מאהל מיין זוהן האט ער גזאגט. ער זאל איהם ארויס נעמען פון דיא זיבען גיהנם. דעם אכטין מאהל מיין זוהן האט ער גזאגט. אנדערע זאגין דער קאפ זאל קומען צום גוף. אונ אנדערע זאגין מיט דעם אכטין מאהל מיין זוהן וואס ער האט גזאגט האט ער אים גיבראכט אין גן עדן. אין פסוק שטייט אבשלום האט גינומען אונ האט גישטעלט ביי זיין לעבין דיא מצבה וואס איז גישטאנען אין דעם טאהל פון מלך. ווארום ער האט גזאגט איך האב ניט קיין זוהן וואס ער זאל דער מאנען מיין נאמען. האט ער גירופען דיא מצבה אויף זיין נאמען אונ ער האט איר גירופען יד אבשלום. אונ אזוי רופט מען זיא ביז היינטיגען טאג. פרעגט דיא גמרא וואס האט אבשלום גינומען. האט ריש לקיש זאגט ער האט גינומען פאר זיך א שלעכטע גיעמונג. דיא מצבה וואס איז גיוועזן אין עמק

המלך א"ר חנינא בר פפא בעצה עמוקה של מלכו של עולם (דף יא) שנאמר (ש"ב יב) הנני מקים עליך רעה מביתך כיוצא בדבר אתה אומר (בראשית לז) וישלחהו מעמק חברון א"ר חנינא בר פפא בעצה עמוקה של אותו צדיק הקבור בחברון שנאמר (שם טו) ידוע תדע כי גר יהיה זרעך בארץ לא להם. כי אמר אין לי בן ולא הוו ליה בני והכתיב (ש"ב יד) ויולדו לאבשלום שלשה בנים ובת אחת ושמה תמר א"ר יצחק בר אבדימי שלא היה לו בן הגון למלכות רב חסדא אמר גמירי כל השורף תבואתו של חבירו אינו מניח בן ליורשו ואיהו קליה לדיואב דכתיב (שם) ויאמר אל עבדיו ראו חלקת יואב אל ידי ולו שם שעורים לכו והציתוה וגו':

פעצה אשר בעמק המלך: עצה עמוקה. של הקב"ה שהוא מלך עולם שגזר על דוד כן במעשה בת שבע: הנני מקים. הליב אבשלום אותה עצה וקיימה מה בת דברו של הקב"ה דכתיב לעולם ה' דברך נצב בשמים: וישלחהו מעמק חברון. ביוסף משתעי קרא כששלחו יעקב אצל אחיו והיא תחלת סבת ירידת ישראל למצרים: של אותו צדיק הקבור בחברון. זה אברהם: אין באחיו גדול ממנו. שהיה מלך הרי במדה שמדד שנקבר אביו בגדולים וכה במדה מדדו לו שנקבר

(דף ט ע"ב) **לט משנה** וכן לענין הטובה מרים המתינה למשה שעה אחת שנאמר (שמות ב) ותתצב אחותו מרחוק לפיכך נתעכבו לה כל ישראל ז' ימים במדבר שנאמר (במדבר יב) ותסגר מרים מחוץ למחנה שבעת ימים והעם לא נסע עד האסף מרים. יוסף זכה לקבור את אביו אין באחיו גדול מיוסף שנאמר ויעל

המלך. האט רבי חנינא בר פפא געזאגט דאס מיינט מען דיא טיפע עצה פון דעם מלך פון דער וועלט. וואס האט גאט אזוי מזר געוועזן אויף דוד. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק גאט האט געזאגט צוא דוד איך וועל אויף שטעלין אויף דיר א שלעכץ פון דיין שטוב. האט אבשלום אויף געשטעלט דיא עצה אונ האט איר מקיים געוועזן. אונ ער איז געוועזן די שלעכץ וואס עס האט גיבארפט זיין אויף דוד. נאך אזוי אזגלייכען זאגט דער פסוק וישלחהו מעמק חברון. ער האט אים געשיקט פון עמק חברון. האט רבי חנינא בר פפא געזאגט פון דער טיפע עצה פון דעם צדיק וואס איז בגראבין אין חברון דאס מיינט מען אברהם אבינו. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק גאט האט געזאגט צוא אברהם דוא זאלסט וויסען אז דיינע קינדער וועלין זיין גרים אין אפרעמדע לאנד. האט יעקב איצט מקיים געוועזן דיא גזרה פון גאט. אין פסוק שטייט אבשלום האט געזאגט איך האב ניט קיין זוהן. האט אבשלום ניט גיהאט קיין קינדער. עס שטייט דאך אין פסוק עס זענען געבארין געווארין צוא אבשלום דרייא זיהן אונ איין טאכטער איר נאמען איז געוועזן תמר. האט רבי יצחק בר אבדימי געזאגט מען מיינט ער האט ניט גיהאט אזוהן וואס זאל קענען זיין א מלך. רב חסדא האט געזאגט מיר האבען גילערנט דער וואס פאר ברענט זיין חברס תבואה. וועט ער ניט לאזין א זוהן וואס זאל איהם ירשענן. אונ אבשלום האט פאר ברענט דיא תבואה פון יואב. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אבשלום האט געזאגט צו זיינע קנעכט זעהט די פעלד פון יואב איז נעבין מיין פעלד. אונ יואב האט דארט אין זיין פעלד גערשטין גייט אונ צינט איר אן:

לט משנה. וכן. אונ אזוי צום גוטען בצאהלט אויך גאט דעם שכר. אזוי וויא דיא מציה איז געוועזן. מרים האט געווארט אויף משה איין שעה. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק זיין שוועסטער האט זיך געשטעלט פון ווייטען. דריבער האבען דיא יודין אויף איר געווארט אין דער מדבר זיבען טעג. אזו וויא עס שטייט אין פסוק מרים איז פאר שלאסין געווארין אויסער דיא מחנה זיבען טעג. אונ דאס פאלק האט ניט ניצויגין ביז מרים איז איינגעזאמלט געווארין צוריק אין דער מחנה. יוסף האט זוכה געוועזן ער זאל בגראבין זיין פאטער. עס איז ניט געוועזן צווישען דיא ברידער קיין גרעסערער פון יוסף. אזו וויא עס שטייט אין פסוק יוסף איז אויף גיגאנגען צוא בגראבין זיין פאטער. אונ מיט אים איז אויף גיגאנגען דיא קנעכט פון פרעה אונ רייטער. ווער איז נאך אזוי גרוס וויא יוסף אז בייא זיינע ביינער האט זיך גיט בשעפטיגט

(בראשית נ) ויעל יוסף לקבור את אביו [ויעל עמו גם רכב גם פרשים] מי לנו גדול מיוסף שלא נתעסק בו אלא משה. משה זכה בעצמות יוסף אין גדול ממנו בישראל שנאמר (שמות יג) ויקח משה את עצמות יוסף עמו מי לנו גדול ממשה שלא נתעסק בו אלא שכינה שנאמר (דברים לד) ויקבור אותו בגי. ולא על משה בלבד אמרו אלא על כל הצדיקים שנאמר (ישעיה נח) והלך לפניך צדקך כבוד ה' יאספך:

הוא גם כן בגדולים: מי לנו. לענין כבוד קבורה ליקבר בגדולים גדול מיוסף שלא נתעסק בו אלא משה שהוא גדול בישראל ואין בישראל גדול ממנו הרי במדה שמדד לקבור את יוסף ע"י גדול בה מדדו לו שאין לנו גדול בכבוד קבורה כמשה שלא נתעסק בו אלא הקב"ה:

אינו כן. דיותר ממה שהוא מודד מודדין לו: דבאותה מדה. דוגמא מאותו ענין ומיהו יותר ממה שעשה משתלם דמדה טובה מרובה בתשלומים ממדת פורענות: אמור לחכמה. שהיא אל הקב"ה ומפיו

(דף יא) מ [פיסקא וכן לענין הטובה מרים וכו'] מי דמי התם שעתא חדא הכא ז' יומי אמר אביי אימא ולענין הטובה אינו כן א"ל [רבא] והא וכן לענין הטובה קתני אלא אמר רבא ה"ק וכן לענין הטובה דבאותה מדה ולעולם מדה טובה מרובה ממדת פורענות (שמות ב) ותתצב אחותו מרחוק לדעה מה יעשה לו א"ר יצחק פסוק זה כולו על שם שכינה נאמר ותתצב דכתיב (ש"א ג') ויבאה' ויתיצב ויקרא כפעם בפעם. אחותו (משלי ז) אמור לחכמה אחותי את. מרחוק (ירמיה לא) מרחוק ה' נראה לי. לדעה (ש"א ב) כי אל דעות ה. מה (דברים י) מה ה' אלהיך שואל מעמך. יעשה (ש"א כה) יעשה ה' לאדוני בית נאמן. לו (שופטים ו) ויקרא לו ה' שלום:

ויקם

קיין אנדערער נאר משה רבינו. משה האט זוכה געווען צו נעמען די ביינער פון יוסף און עס איז ניט געווען צווישען יודין קיין גרעסערער וויא משה. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק משה האט גינומען די ביינער פון יוסף מיט זיך. ווער איז נאך אזוי גרויס וויא משה. אז ביא זיין בגראבנים האט זיך קיינער ניט בשעפטיגט נאר גאט אליין. אזו וויא עס שטייט אין פסוק גאט האט איהם בגראבין אין טאהל. און ניט אויף משה אליין האט מען גזאגט אז גאט האט איהם בגראבין. נאר אויף אלע צדיקים. אזו וויא עס שטייט אין פסוק עס וועט גיין פאר דיר דיין גירעכטיגקייט דער כבוד פון גאט וועט דיך פאר זאמלען:

מ פיסקא. וכן. פריער איז געשטאנען אזוי וויא מרים האט גיטאהן אזוי האט מען איר בצאהלט. מען האט דאך איר מער בצאהלט וויא זיא האט גיטאהן. זיא האט נאר גיווארט איין שעה. און אויף איר האט מען גיווארט זיבען טאג. האט אביי גזאגט אזו זאג אבער פאר אטובה צו בצאהלין איז ניט אזוי. מער וויא ער האט גיטאהן טוהט מען מיט אים. הט רבא גזאגט צו אביי עס שטייט דאך אין דער משנה וכן לענין הטובה. פאר אטובה בצאהלט מען אויך אזו וויא פאר ארעה. אזו וויא פאר ארעה בצאהלט מען גלייך וויא ער האט גיטאהן. אזוי פר אטובה בצאהלט מען גלייך וויא ער האט גיטאהן. אבער ניט מער. האט רבא גזאגט אזו מיינט דיא משנה. וכן לענין הטובה. פאר אטובה בצאהלט מען דיא זעלביגע זאך וויא ער האט גיטאהן. נאר פאר אטובה בצאהלט מען מער וויא מען בצאהלט פאר ארעה. אין פסוק שטייט ותתצב אחותו מרחוק לדעה מה יעשה לו. רבי יצחק זאגט דער גאנצער פסוק איז גזאגט גיווארין אויף דעם נאמען פון גאט. ותתצב. מיינט מען גאט. אזו וויא עס שטייט אין פסוק גאט איז גיקומען ויתיצב. ער האט זיך גישטעלט. און האט גירופען שמואל. אחותו מיינט מען גאט אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אמור לחכמה אחותי את. זאג צו דיא חכמה דוא ביסט מיין שוועסטער. דיא חכמה הייסט אשוועסטער. און גאט איז דיא חכמה. מרחוק מיינט מען גאט. אזו וויא עס שטייט אין פסוק מרחוק ה' נראה לי. פון ווייטין איז גאט גיזעהן גיווארין צו מיר. לדעה מיינט מען גאט. אזו וויא עס שטייט אין פסוק כי אל דעות ה'. גאט איז אגאט פון וויסען שאפט. מה מיינט מען גאט. אזו וויא עס שטייט אין פסוק מה ה' אלהיך שואל מעמך. וואס פאר לאנגט גאט פון דיר. יעשה מיינט מען גאט. אזו וויא עס שטייט אין פסוק יעשה ה' לאדוני

(שמות א) **מא ויקם** מלך חדש על מצרים אשר לא ידע את יוסף רב ושמואל חד אמר חדש ממש וח"א שנתחדשו גזירותיו מ"ד חדש ממש דכתיב חדש ומ"ד שנתחדשו גזירותיו דלא כתיב וימת וימלוך. ומאי אשר לא ידע את יוסף דהוה דמי כמאן דלא ידע ליה [כלל]. (שם) ויאמר אל עמו הנה עם בני ישראל רב ועצום ממנו. תנא הוא התחיל בעצה תחלה שנאמר ויאמר אל עמו לפיכך לקה הוא תחלה שנאמר (שם ז) ובכה ובעמך ובכל עבדיך יעלו הצפרדעים (שם א) הבה נתחכמה לו להם מיבעי' ליה אמר ר' חמא ברבי חנינא בואו ונתחכמה למושיען של ישראל במה נדונם באש כתיב (ישעיה סו) כי באש ה' נשפט נדונם בחרב (שם) ובחרבו את כל בשר [אלא] בואו ונדונם במים שכבר נשבע הקב"ה שאינו מביא מבול לעולם שנאמר (שם נד) כי מי נח זאת לי אשר נשבעתי מעבור מי נח עוד על הארץ והם אינם יודעים שעל כל העולם אינו מביא אבל

פירוש

ומפיו שמא' כי ה' יתן חכמה מפיו וגו' : דלא כתיב וימת. מלך מצרים וימלוך תחתיו אחר : ונתחכמה למושיעם. נחכם לנו חכמה לנגדו : במה נדונם. שלא יוכל לדונגו כו שידענו דרכיו שמודד מדה כנגד מדה לחר כמבול ולאנשי סדום : כי באש ה' נשפט. וכן לו יגמול : נדונם במים. כל הבן הילוד וגו' :

בית נאמני גאט זאל טאהן צו מיין הערר אריכטיגע שטוב. לו מיינט מען גאט. אזו ווי עס שטייט אין פסוק ויקרא לו ה' שלום. ער הט גירופן צו אים. צו גאט. שלום :

מא ויקם. עס איז אויף גישטאנען אנייער מלך אויף מצרים וואס ער הט ניט גיוואוסט פון יוסף. רב אונ שמואל קריגען : איינער זאגט עס איז טאקי גיוועזן אנייער מלך. אונ איינער זאגט עס איז גיוועזן דער זעלביגער מלך. נאר ער האט גימאכט נייע גזרות. דער וואס זאגט עס איז גיוועזן אנייער מלך. ווארום עס שטייט מלך חדש. אנייער מלך. אונ דער וואס זאגט עס איז גיוועזן דער זעלביגער מלך נאר מיט נייע גזרות. פאר וואס זאגט ער ניט עס איז גיוועזן אנייער מלך. ווייל עס שטייט ניט דער מלך איז גישטארבין אונ עס האט געקיניגט אנייער : זעהן מיר אז עס איז ניט גיוועזן אנייער מלך. פרעגט דיא גמרא אז עס איז ניט גיוועזן קיין נייער מלך. פאר וואס שטייט ער האט ניט גיוואוסט פון יוסף. ענפערט דיא גמרא ער האט זיך גימאכט גלייך וויא ער וואלט גאר ניט גיוואוסט פון יוסף. עס שטייט אין פסוק פרעה האט גזאגט צו זיין פאלק דאס יודישע פאלק זענען פיל אונ שטארקער פון אונז. מיר האבען גילערנט פרעה איז גיוועזן דער ערשטער פון דער עצה מען זאל פייניגען דיא יודין. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק פרעה האט גזאגט צו זיין פאלק. דריבער איז פרעה פריער גישלאגין גיווארין. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק משה האט גזאגט צו פרעה דיא צפרדעים וועלין אויף גיין אין דיר אונ אין דיין פאלק אונ אין דיינע אלע קנעכט. פרעה האט גזאגט צו זיין פאלק בריית אייך פאר מיר וועלין אונז קליגען אויף אים. האט דאך גידארפט שטיין מיר וועלין אונז קליגען אויף זייא. אויף דיא יודין : האט רבי חמא ברבי חנינא גזאגט פרעה האט אזוי גזאגט צו זיין פאלק קומט מיר וועלין אונז קליגען אויף דעם עלפער פון דיא יודין. מיט וואס וועלין מיר זייא משפטין. גאט זאל אונז ניט קענען צוריק משפטין. ווארום מיר ווייסין אז גאט משפט נאר דעם מענטשין מיט דיא זעלביגע זאך וואס ער האט געזינדיגט. מיר זאלין משפטין דיא יודין מיט פייער. וועט גאט אונז אויך משפטין מיט פייער. ווארום עס שטייט אין פסוק גאט משפט מיט פייער. מיר זאלין משפטין דיא יודין מיט אשווערד. וועט גאט אונז אויך משפטין מיט אשווערד. ווארום עס שטייט אין פסוק מיט זיין שווערד וועט ער משפטין אלע מענטשין. נאר קומט מיר וועלין משפטין דיא יודין מיט וואסער. ווארום גאט האט גישווארין ער זאל ניט ברייננגען קיין פארפלייצונג אויף דער וועלט קיין מאהל. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דאס איז ביא מיר וויא דיא וואסער פון נח. וואס איך האב גישווארין אז דיא וואסער פון נח זאלין שוין ניט מער קומען אויף דער וועלט. דיא מצרים האבען אבער ניט גיוואוסט אויף דער גאנצער וועלט וועט גאט ניט ברייננגען קיין מבול. אבער אויף איין פאלק וועט גאט יא ברייננגען אמבול אדער גאט

אבל על אומה אחת מביא א"נ הוא אינו מביא אבל הם באיט ונופלים לתוך המים וכה"א (שמות יד) ומצרים נסים לקראתו וינער ה' את מצרים בתוך הים והיינו דא"ר אלעזר מ"ד (שם יח) כי בדבר אשר זדו עליהם בקדרה שבשלו בה נתבשלו [מאי משמע דהאי זדו לישנא דקדירה הוא דכתיב (בראשית כה) ויזד יעקב נזיד]. א"ר חייא בר אבא א"ר (יוחנן) [סימאי] ג' היו באותה עצה. בלעם איוב ויתרו. בלעם שיעץ נהרג. איוב ששתק נידון ביסורין. יתרו שברח זכו [מבני] בניו וישבו בלשכת הגזית שנאמר (דה"א ב) ומשפחות סופרים יושבי יעבץ תרעתים שמעתים שוכתים המה הקינים הבאים מחמת אבי בית רכב וכתיב (שופטים א) ובני קיני חותן משה. (שמות א) ונלחם בנו ועלה מן הארץ ועלינו מיבעי' ליה א"ר אבא בר כהנא כאדם שמקלל עצמו ותולה קללתו באחרים. (שם) וישימו עליו שרי מסים עליהם מיבעי' ליה תנא (משום) [רבי] אלעזר ברבי שמעון (אמרו) מלמד שהביאו מלבן ותלו לו לפרעה בצוארו וכל אחד מישראל שאמר להם איסטניס אני אומרים לו כלום איסטניס אתה יותר מפרעה. שרי מסים דבר שמשים (לבנים) (שם)

שנשלו. לי ויזד יעקב נזיד: באותה עצה. דנתחכמה לו: יושבי יעבץ. תלמידי יעבץ אדם גדול בתורה היה כדכתיב ויקרא יעבץ לאלהי ישראל אם ברך תברכני בתורה והרבית את גבולי בתלמידים וגו' ויבא אלהים את אשר שאל. תרעתים. מפרש בספרי ששמעו תרועה בהר סיני ל"א תרעתים על שם שהיו יושבים בשערי ירושלים: שמעתים. ששמעו מצות אביהם דבני יונדב בן רכב משתעי קרא והם היו מבני בניו של יתרו כדמפרש ואזיל המה הקינים: שוכתים. על שם שהיו יושבים בסוכות דכתיב ונשב באהלים וקרי להו משפחות סופרים דהיינו סנהדרין וכן תרעתים זקני שער: ועלינו. מן הארץ מיבעי' ליה יגרשום מן הארץ מאי ועלה מן הארץ הלואי שיצאו שונאיהם מארצם בעל כרחם ויראים מפניהם: מלבן. כמין דפוס שעושים בו הלבנים שממלאים אותו טיט ומחליקים אותו ושיא הלבנה: ותלו לו לפרעה. דעליה קאי קרא ומייתי הליך ויאמר אל עמו וגו' הבה נתחכמה לו פן ירבה וגו' וישימו עליו שרי מסים למען ענותו בסבלותם וגו' · איסטנים. מפונק ואינו יכול לעשות מלאכה: שרי מסים דבר שמשים. לידי

וועט ניט ברייננען קיין מבול אויף די מענטשן. אבער ער וועט ברייננען די מענטשן צום וואסער און וועט זייא אריין ווארפן אין וואסער און אזוי שטייט אין פסוק די מצרים זענען גילאפין גענין דעם וואסער. און גאט האט אריין גיווארפין די מצרים אין ים. איצט איז רעכט וואס רבי אלעזר האט געזאגט עס שטייט אין פסוק כי בדבר אשר זדו עליהם. אין דעם טאפ וואס די מצרים האבען גיקאכט די יודין זענען די מצרים אליין גיקאכט גיווארין. זאגט די גמרא פון וואנען ווייסין מיר אז זדו מיינט מען א טאפ. ווארום עס שטייט אין פסוק ויזד יעקב נזיד. יעקב האט גיקאכט אעסין אין א טאפ. די מצרים האבען גיווארפין די יודין אין וואסער. זענען זייא אליין גיווארפין גיווארין אין וואסער. רבי חייא בר אבא האט געזאגט פון רבי סימאים יעניך דרייא מענטשין זענען גיוועזן אין דער עצה מען זאל די יודישע קינדער ווארפין אין וואסער. בלעם איוב יתרו. בלעם וואס ער האט א עצה גיגעבין. איז ער גיהרגת גיווארין. איוב וואס ער האט געשוויגען איז אויף אים גיקומען יסורים. יתרו וואס ער איז אנטלאפין האבען זיינע איניקלאך זוכה גיוועזן און זענען גיזעסין אין לשכת הגזית צווישען די סנהדרין. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ומשפחות סופרים יושבי יעבץ תרעתים שמעתים שוכתים המה הקינים הבאים מחמת אבי בית רכב. און נאך שטייט אין פסוק ובני קיני חותן משה. קיני איז דער שוועער פון משה איז דאך דאס יתרו. און אז עס שטייט די אלע משפחות זענען פון די קינים. דאס מיינט מען פון יתרו. און מען רופט זייא משפחות סופרים דאס מיינט מען סנהדרין. עס שטייט אין פסוק פרעה האט געזאגט אויף די יודין ער וועט מלחמה האלטין מיט אונז ועלה מן הארץ. און ער וועט אויף גיין פון די לאנד. האט דאך גידארפט שטיין ועלינו מן הארץ. מיר וועלין מוזין אוועק גיין פון די לאנד. האט רבי אבא בר כהנא געזאגט דאס איז אזוי וויא א מענטש וויל זיך פלוכין. זאגט ער זיין קללה אויף איין אנדערין. אזוי האבען די מצרים ניט גיוואלט זאגין מיר וועלין מוזין אוועק גיין פון די לאנד: האבען זייא געזאגט די יודין וועלין אוועק גיין פון די לאנד. אין פסוק שטייט וישימו עליו שרי מסים. די מצרים האבען גיטאהן אויף אים עלצטע צום נעמען פאראטקעס. האט דאך גידארפט שטיין די מצרים האבען גיטאהן אויף זייא. אויף די יודין. ענטפערט די גמרא

(שם) למען ענותו בסבלותם ענותם מיבעי' ליה למען ענותו לפרעה בסבלותם דישראל. (שם) ויבן ערי מסכנות לפרעה רב ושמואל חד אמר שמסכנות את בעליהם וחד אמר שממסכנות את בעליהם דאמר מר כל מי שעוסק בבנין מתמסכן (שם) את פתום ואת רעמסס רב ושמואל חד אמר פתום שמה ולמה נקרא שמה רעמסס שראשון ראשון מתרוסס. וחד אמר רעמסס שמה ולמה נקרא שמה פתום שראשון ראשון פי תהום בולעו. (שם) וכאשר יענו אותו כן ירבה וכן יפרוץ כן רבו וכן פרצו מיבעי' ליה אמר ר"ש בן לקיש רה"ק מבשרתן כן ירבה וכן יפרוץ (שם) ויקוצו מפני בני ישראל מלמד שהיו [דומים] בעיניהם כקוצים (שם) ויעבידו

של שוטים שמרגילים ומזמינין לעבודה אותו המלבן שאלו לו היה לישראל רידוי של השמש אמאמנ"ם בלע"ז: למען ענותו לפרעה. בשביל סבלותם של ישראל שיהו שכם לסבול: שמסכנות את בעליהם. שעל ידי אותם הערים ואותה העבודה נסתכנו מצרים לטבוע בים: שממסכנות. מדלדלות כדכתיב וינצלו את מצרים ובשביל עבודה זו הוא דאירע להם ולהאי לישנא לא גרסי' דאמר מר כל העוסק בבנין מתמסכן ומאן דגריס ליה מתרגם להך דרב ושמואל נמי אכל בנין של כל אדם מסכנות פעמים שנופל הבנין וממית ממסכנות שמביא את האדם לידי עניות דאמר מר ביבמות כל העוסק בבנין מתמסכן: ראשון ראשון מתרוסס. כשהיו בונין קמא היה מתרוסס ונופל וחוזרין ובונין והוא נופל: פי תהום בולעו. נבלע בארץ: רה"ק מבשרתן. לישראל ואומר למצרים אין מועיל אתכם כן ירבה תמיד וכן יפרוץ: ויקוצו. היה דומה להם כאילו עיניהם וגופם מלאים קוצים

דבי רבי אלעזר ברבי שמעון האט גילערנט. דער פסוק דער ציילט אונז מען האט גיבראכט דעם פארעם וואס מען מאכט אין אים ציגל אונ מען האט אין אים אריין גילייגט ליים. אונ מען האט דאס אויף גיהאנגען אויף דיא האלדז פון פרעה. אונ יעדער יוד וואס ער האט גזאגט איך בין איידעל; איך קען ניט ארבעטין. האט מען גזאגט צו אים ביסטו רען איידעלער וויא פרעה; איז דיא ערשטע ארבעט האט מען אריף גיגעבין עליו. אויף אים; אויף פרעה. שרי מסים איז דער טייטש עקצטע איבער דער זאך וואס מען טוהט אויף דעם מענטשין אים געוואנגען צו דיא ארבעט. למען ענותו בסבלותם. מען זאל אים פייניגען מיט זייערע ארבעט. האט דאך גידארפט שטיין מען זאל זייא פייניגען מיט זייערע ארבעט; נאר מען מיינט מען זאל פייניגען פרעה מיט דיא ארבעט פון דיא יודין. פרעה האט זיך גיפייניגט אונ האט גיטראגין אויף זיך ליים; דיא יודין זאלען אויך מוזין ארבעטין. מען האט גיבאהט שטעט מסכנות צו פרעה. רב אונ שמואל קריגען. איינער זאגט מסכנות איז דער טייטש אסכנה. דיא מצרים זענען גיקומען אין אסכנה דורך דיא ארבעט. זייא זענען דער טרונקען גיווארין אין ים. אונ איינער זאגט מסכנות איז דער טייטש ארעמקייט. דיא מצרים זענען ארעם גיווארין דורך דיא ארבעט דיא יודין האבען צו גינומען דאס פארמעגין פון דיא מצרים. ואדער מען מיינט אלע הייזער וואס מען באהט ברייננגען צו אסכנה. אמאהל פאלט איין דיא הויז אונ מענטשין ווערין גיהרגת. אונ אלע מענטשין וואס באהען הייזער ווערין ארעם. אזוי האט דער תנא גזאגט. את פיתום ואת רעמסס. רב אונ שמואל קריגען. איינער זאגט דיא שטאט האט גיהייסין פתום. פאר וואס האט מען איר גירופין רעמסס. ווייל יעדער ערשטע ביסול וואס מען האט אויף גיבאהט איז איין גיפאלין. האט מען נאך אמאהל אויף גיבאהט איז ווייטער איין גיפאלין. אונ אזוי איז גיוועזן אלע מאהל. אונ איינער זאגט דיא שטאט האט גיהייסין רעמסס. פאר וואס האט מען איר גירופין פתום. ווייל יעדער שטיק וואס מען האט אויף גיבאהט איז איין גיזונקען גיווארין אין דער ערד. אין פסוק שטייט וכאשר יענו אותו. אזוי וויא זייא פלעגין אים פייניגען. כן ירבה וכן יפרוץ; אזוי וועט ער זיך מערין אונ אזוי וועט ער זיך שטארקין. דארף דאך שטיין כן רבו וכן פרצו. אזוי האבען זייא זיך גימערט אונ אזוי האבען זייא זיך גישטארקט. וואורום דיא תורה דער ציילט דאך אזאך וואס עס איז גיוועזן. האט רבי שמעון בן לקיש גזאגט דער רוח הקדש האט גזאגט צו דיא מצריים איר מיינט צו מינערין דיא יודין; וואס מער איר וועט זייא פייניגען. וועלין זייא זיך מערין אונ וועלין זיך שטארקין. ויקוצו מפני בני ישראל. דער פסוק דער ציילט אונז אז דיא מצריים האבען גיקוקט אויף דיא יודין. וויא אזוי זייא ווערין גימערט אונ גישטארקט; איז בייא זייא גיוועזן וויא מען וואלט זייא גישטאכין

ויעבידו מצרים את בני ישראל (ע"ג) בפרך רבי (אליעזר) [אלעזר] אמר בפה רך רבי שמואל בר נחמני אמר בפריכה (שם) וימררו את חייהם בעבודה קשה בחומר ובלבנים ובכל עבודה בשדה אמר רבא בתחלה בחומר ובלבנים ולבסוף ובכל עבודה בשדה (שם) את כל עבודתם אשר עבדו בהם בפרך אמר רבי שמואל בר נחמני אמר רבי [יונתן] שהיו מחליפין מלאכת אנשים לנשים ומלאכת נשים לאנשים ולמ"ד נמי התם בפה רך הכא ודאי בפריכה:

כשראוהו את ישראל פרים ורבים: בפה רך. מפתה בדברים ונתכל עד ב' כנ"ל ב' בעבודה: בפריכה בשברון הגוף ומתנים: קשה. ה"ג בעבודה קשה א"ר שמואל בר נחמני א"ר יונתן שהיו מחליפין וכו' וזה קשה שלא היו רגילים בכך: למ"ד נמי. בפרך קמא בפה רך הוי בפרך בתרא ודאי פריכה היא דהא כתיב וימררו:

ושופתות: כשמושיבין את הסיר על גבי הכירה קרי ליה שפיתה: אחד של חמין. לרחוץ רגלי בעליהם בשדה: בין שפתים. בין מגרי השדות מקומות נמוכים מגל גבול השדה גבוה מכאן והכרי גבוה מכאן ונחון באמצע: יונה. ישראל שנאמר

מב דרש ר' עקיבא בשכר נשים צדקניות שהיו באותו הדור נגאלו אבותינו ממצרים שבשעה שיוצאות לשאוב מים מזמן להם הקב"ה דגים קטנים בכדיהם ושואבות מחצה מים ומחצה דגים ובאות ושופתות שתי קדרות אחת של חמין ואחת של דגים ומוליכות אותן אצל בעליהן לשדה ומרחיצות אותם וסכות אותם ומאכילות אותם ומשקות אותם ונזקקות להם בין שפתים שנאמר (תהלים סח) אם תשכבון בין שפתים בשכר תשכבון בין שפתים זכו ישראל לביזת מצרים שנאמר (שם) כנפי יונה נחפה בכסף ואברותיה בירקרק חרוץ וכיון

מיט דערנער אין דיא אויגן. אין פסוק שטייט ויעבידו מצרים את בני ישראל בפרך. דיא מצריים האבען געארבעט מיט דיא יודין מיט פרך. רבי אלעזר זאגט מען מיינט בפה רך. מיט אווייכע מויל. זייא האבען געצווינגען דיא יודין צו דיא ארבעט מיט גוטע רייד. רבי שמואל בר נחמני זאגט בפרך מיינט מען מיט צו ברעכונג. מיט שווערע ארבעט וואס צו ברעכט דעם גוף. אין פסוק שטייט דיא מצרים האבען פארביטערט דאס לעבין פון דיא יודין מיט שווערע ארבעט מיט ליים אונ מיט ציגעל אונ מיט אלע ארבעט וואס אין פעלד: רבא זאגט אין אנהייב האבען דיא יודין געארבעט נאר מיט ליים אונ ציגעל. דער נאך האבען דיא יודין גימוזט ארבעטין אלע ארבעט וואס אין פעלד אויך: זייערע אלע ארבעט וואס דיא מצריים האבען געארבעט מיט דיא יודין איז געוועזן בפרך. מיט שווערקייט וואס צוא ברעכט דעם גוף. רבי שמואל בר נחמני האט געזאגט פון רבי יונתן וועגין דיא מצריים האבען אומגיטאהשט דיא ארבעט וואס זכרים דארפין טאהן. האבען נקבות גימוזט טאהן. אונ דיא ארבעט וואס נקבות דארפין טאהן. האבען זכרים גימוזט טאהן. אונ אפילו דער וואס טייטשט דעם פריעדיגען בפרך. מיט אווייכע מויל. טייטשט ער אויך דעם אנדערין בפרך. מיט צוא ברעכונג:

מב דרש. רבי עקיבא האט גידרשת אין דעם זכות פון דיא פרומע ווייבער וואס זענען גיוועזן אין דער צייט: זענען אונזערע עלטערין אויס גילייזט געווארין פון מצרים. ווארום ווען דיא ווייבער זענען ארויס גיגאנגען שעפין וואסער. האט זייא גאט אן גיברייט קליינע פישלאך אין זייערע קריג. האבען זייא גישעפט העלפט וואסער אונ העלפט פישלאך קליינע. אונ זייא זענען גיקומען אהיים. אונ האבען גישטעלט צוויא טעפ בייא דעם פייער. איין טאפ מיט בלויז ווארעמע וואסער: אונ איין טאפ מיט פישלאך. אונ זייא האבין גיטראגין דיא צוויא טעפ צוא זייערע מאנען אין פעלד. אונ מיט דיא ווארעמע וואסער האבען זייא ארום גיוואשין זייערע מאנען פון דיא ליים. אונ זייא האבען אויס געשמירט זייערע מאנען מיט שמעקעדיגע בוימאייל. אונ זייא האבען גיגעבין דיא מאנען עסין דיא פישלאך: אונ זייא האבען גיגעבין דיא מאנען צום טרינקען. אונ דיא מאנען האבען בועל גיוועזן זייערע ווייבער צווישען דיא בייטין (דיא זאגאנגעס) וואס אין פעלד. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אויב איר וועט ליגען צווישען דיא גרענעצין וואו עס טיילט זיך אפ איין פעלד פון דיא אנדערע. דארטין איז דא אבאהאלטענער ארט). פאר דעם וואס איר פלעגט ליגען צווישען דיא גרענעצין. דריבער האבין

יונתי התפוח: כולהיך. נלאת ממעי המך: חבלתך. לשון חבלי יולדה: מתקן. מנקה: מסבר. תימלגולי"ר בלע"ז כמו שעושין לתינוקות שמיישבין את איבריהם ולתקנם כשהוציאן מבטן הלידה: לא כרת שרך. לא היו לך מילדות לחתוך טבור הולד: למשעי. להחליק הבשר כמו החלקה ומראיו בטיעות: עגולים. כעין ככר עגול ונעשה להם נס: רבבה כצמח השדה. גדלים מן הארץ כצמח השדה: ותבואי. לבית אביך: שם הכירוהו. שראוהו שכינהו ככר: זה אלי. שראיתי ככר:

וכיון שמתעברות באות לבתיהם וכיון שמגיע זמן מולדיהם הולכות ויולדות בשדה תחת התפוח שנאמר (ש"ה ח) תחת התפוח עוררתיך (שמה חבלתך אמך) שמה חבלה ילדתך והקב"ה שולח מלאך מן השמים ומנקר אותם ומשפר אותם כחיה זו שמשפרת את הילד שנאמר (יחזקאל טז) ומולדותיך ביום הולדת אותך לא כרת שרך ובמים לא רחצת למשעי והמלח לא המלחת והחתל לא חתלת ונותן להם שני עגולים אחד של דבש ואחד של שמן שנאמר (דברים לב) ויניקהו דבש מסלע ושמן מחלמיש צור וכיון שמכירים בהם המצרים באים עליהם להרגם ונעשה להם נס ונבלעים בקרקע ומביאים שוורים וחורשים על גבם שנאמר (תהלים קכט) על גבי חרשו חורשים ולאחר שהולכים מבצבצים ויוצאים כעשב השדה שנאמר (יחזקאל טז) רבבה כצמח השדה נתתיך וגו' ולאחר שמתגדלים באים עדרים עדרים לבתיהם שנאמר (שם) ותרבי ותגדלי ותבואי בעדי עדיים. אל תקרי בעדי עדיים אלא בעדרי עדרים וכשנגלה הקב"ה על הים הם הכירוהו תחלה שנאמר (שמות טו) זה אלי ואנוהו:

ויאמר

יודין זכה געווען ארויס צוא גיין מיט אגרויסען פאר מעגען פון מצרים. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק כנפי יונה נחפה בכסף ואברותיה בירקרק חרוץ. דיא פליגעל פון דיא טויב און פון דיא יודין איז בעדעקט געווארין מיט זילבער. אונ אירע פליגעל זענין בעדעקט געווארין מיט גרינע גאלד. אונ אז דיא ווייבער פלעגין מעוברת ווערין פלעגין זייא קומען אהיים. אונ אז עס איז גיקומען דיא צייט זייא זאלין האבען דאס קינד. פלעגין זייא גיין אין פעלד אונטער אעפיל בוים אונ דארט פלעגין זייא גיבארין דאס קינד. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אונטער דעם עפיל בוים האב איך דיך דער וועקט דוא זאלסט ארויס גיין פון דיין מוטערס בויך. דארטין האט דיין מוטער גיהאט אירע שמערצין. דארטין האט דיין מוטער גיהאט אירע גיבורט שמערצין. אונ גאט האט געשיקט אמלאך פון הימעל אונ האט זייא ריין גימאכט אונ שיין גימאכט אזוי וויא דיא הייבאם וואס מאכט ריין דאס קינד. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אונ די וואס האבין דיך גיבאהרין אין דעם טאג וואס מען האט דיך גיבארין האט מען ניט אפ געשניטען דיין נאפעל אונ מען האט דיך ניט גיוואשין מיט וואסער דוא זאלסט קלאר ווערין. אונ מען האט דיך ניט בעזאלצין מיט זאלץ. אונ מען האט דיך ניט געוויקולט. אונ דער מלאך האט גיגעבין דיא קינדער צווייא קיכלאך איינעם פון האניק. אונ איינעם פון בוימאייל. אזוי וויא עס שטיים אין פסוק ער האט אים גימאכט זייגן האניק פון שטיין. אונ בוימאייל פון אשטארקין פעלזין. אונ אז דיא מצריים האבען זיך דער וואוסט אז אין פעלד זענען דא יודישע קינדער. זענען זייא גיקומען זייא הרגנן. איז גיווארין אנס אונ דיא קינדער זענען אריין אין דיא ערד. האבין דיא מצריים גיבראכט אקסין אונ האבען גיהאקערט אויבין אויף דיא ערד. זייא זאלין צוא האקערין דיא קינדער. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אויף מיר האבען גיהאקערט דיא מענטשין מיט דיא האקערס. דער נאך וויא זייא זענען אוועק גיגאנגען מיט דעם האקער זענען דיא קינדער ארויס גיגאנגען פון דיא ערד אזוי וויא גראז וואס שפראצט פון דיא ערד. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק צעהן טויזענדער קינדער אזוי וויא דיא שפראצונג פון פעלד האב איך דיך גיגעבין. אונ אז דיא קינדער זענען גרוים גיווארין זענין זייא גיקומען סטאדעס ווייז אהיים. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דוא האסט דיך גימערט אונ ביסט גרוים גיווארין. אונ ביסט גיקומען אהיים בעדי עדיים. דוא זאלסט ניט לייענען וויא עס שטייט אין פסוק בעדי עדיים. נאר זאלסט לייענען בעדרי עדרים. סטאדעס ווייז אונ ווען גאט האט זיך בעוויזען צו דיא יודין בייא דעם ים. האבען דיא קינדער צוא ערשט דער קענט גאט. אזוי וויא עס

(דף יא) **מג ויאמר** מלך מצרים למילדות העבריות רב ושמואל חד אמר אשה ובתה וחד אמר כלה וחמותה מאן דאמר אשה ובתה יוכבד ומרים ומאן דאמר כלה וחמותה יוכבד ואלישבע תניא כמ"ד אשה ובתה דתניא שפרה זו יוכבד ולמה נקרא שמה שפרה שמשפרת את הולד. ד"א שפרה שפרו ורבו ישראל בימיה. פועה זו מרים ולמה נקרא שמה פועה שהיתה פועה לולד. ד"א שהיתה פועה ברוה"ק ואומרת עתידה אמי שתלד בן שמושיע את ישראל. ויאמר בילדכן את העבריות וראיתן על האבנים מאי אבנים אמר ר' (יוחנן) (הנן) סימן גדול מסר להן (אמר להן בשעה שכורעת לילד ירכותיה מצטננות כאבנים) איכא דאמרי כדכתיב (ירמיה יח) וארד בית היוצר והנה הוא עושה מלאכה על האבנים מה יו צר זה ירך מכאן וסדן באמצע אף אשה ירך מכאן וירך מכאן וולד באמצע (ואיכא דאמרי בשעה שכורעת לילד ירכותיה מצטננות כאבנים). (שמות א) אם

אלישבע בת עמינדב. אחותו של אהרן: שהיתה פועה לולד. שמשעשעת אותו כדרך (שמפיחין) [שמשחקין] לתינוק בדברים ערבים לפתותו ולשעשעו: פועה. זועקת כמו [פעיתא היא דא] כיולדה אפעה. ה"ג וראיתן על האבנים א"ר יוחנן סימן גדול מסר להן בשעה שכורעת לילד ירכותיה מצטננות כאבנים ד"א על האבנים כדכתיב וארד בית היוצר וגו' מה יוצר זה ירך מכאן כו': סימן גדול. שלא תטעו האם ותחביאנו ותאמר נפל הי' זה לכם סימן של לידה ואז תטלוהו ותהרגוהו ד"א להכי קרי למשבר האשה אבנים כדכתיב גבי יוצר כלי חרס אבנים ואשה נמי ליוצר דמיא: סדן. פן עב שעליו רוכב ומגלגל הכילים שקורים תפונ"ש לעשות כדפוס הכלי לפי גדלו וקטנו: סימן גדול מסר לה.

שטייט אין פסוק דאס איז מיין גאט וואס איך האב איהם שוין אמאהל געזעהן און איך וועל אים בשיינען:

מג ויאמר. דער מלך פון מצרים האט גזאגט צוא דיא יודישע הייבאמם. רב און שמואל קריגען. איינער זאגט שפרה און פועה זענין געוועזן אמוטער מיט אטאכטער. און איינער זאגט דאס איז געוועזן אשוויגער מיט אשנור. דער וואס זאגט אז דאס איז געוועזן אמוטער מיט אטאכטער. איז דאס געוועזן יוכבד און מרים: און דער וואס זאגט דאס איז געוועזן אשוויגער מיט אשנור. איז דאס געוועזן יוכבד און אלישבע. זאגט דיא גמרא מיר האבין גילערונט וויא דער וואס זאגט דאס איז געוועזן אמוטער מיט אטאכטער. ווארום מיר האבען גילערונט שפרה איז יוכבד. פאר וואס האט מען איר גערופען שפרה. ווייל זיא האט שיין גימאכט דאס קינד. אנדערע זאגין מען האט איר גערופין שפרה: ווייל אין אירע צייטען האבין זיך די יודין גימערט. פועה איז מרים: פאר וואס האט מען איר גירופען פועה. ווייל זיא פלעגט ריידין מיט דעם קליינעם קינד. שטיל צוא מאכען אים פון וויינען. אנדערע זאגין דריבער האט מען איר גערופין פועה. ווייל זיא האט גירעט מיט רוח הקודש. און זיא האט גזאגט מיין מוטער וועט גיבאהרין אזוהן וואס ער וועט העלפין דיא יודין. פרעה האט גזאגט צוא דיא הייבאמם אז איר וועט מאכען גיבאהרין דיא יודישע ווייבער. זאלט איר זעהן אויף דעם אבנים. וואס איז דם אבנים. האט רבי יוחנן גזאגט אגרויסען צייכין האט פרעה גיגעבין צו דיא הייבאמם. ער האט גזאגט צו זייא ווען אאשה דארף גיבאהרין אקינד ווערין אירע פים (פון דיא קניה ביז צום בויך) קאלט אזוי וויא שטיינער. איז אבנים דער טייטש שטיינער. אנדערע זאגען אזוי וויא עס שטייט אין פסוק איך האב גענידערט אין שטוב צו אטעפער. האב איך גיזעהן ער ארבעט זיין ארבעט אויף דעם אבנים: גאזוי וויא דיא כלי וואס דער טעפער מאכט אויף איהר דיא טעפ: הייסט אבנים. אזוי דער ארט וואס דיא אשה זיצט אויף אים ווען זיא דארף גיבאהרין הייסט אויך אבנים. אזוי ווי דר טעפער האלט אפוס פון דער זייט און אפוס פון דער זייט: און דער האלץ וואס ער רייט אויף אים. איז אין מיטען צווישען זיינע פים: און אויף דעם האלץ קנעט ער דיא ליים צוא מאכין דיא טעפ. אזוי דיא אשה ווען זיא גיבערט דאס קינד. האלט זיא איין פוס פון דער זייט. און איין פוס פון דער זייט. און דאס קינד איז אין מיטען צווישען ביידע פים. אויב דאס איז אזוהן זאלט איר אים הרגען. און אויב דאס איז אטאכטער זאל זיא לעבין. רבי חנינא זאגט אגרויסען סימן האט פרעה זייא גיגעבין. זייא זאלין באלד דער קענען צווישען אזכר און

אם בן הוא והמתן אותו ואם בת היא וחיה אמר ר' חנינא סימן גדול מסר להן בן פניו למטה בת פניה למעלה (שם) ותיראן המילדות את האלהים ולא עשו כאשר דבר אליהן להן מיבעי' ליה אמר רבי יוסי ברבי חנינא מלמד שתבען לדבר עבירה ולא נתבעו. (שם) ותחיין את הילדים תנא לא דיין שלא המיתו אותם אלא שהיו מספקות להם מים ומזון. (שם) ותאמרן המילדות אל פרעה כי לא כנשים המצריות העבריות כי חיות הנה מאי חיות אילימא חיות ממש אטו חיה לא צריכה חיה אחריתי לאולודה אלא אמרו לו אומה זו כחיה נמשלת יהודה (בראשית מט) גור אריה יהודה דן (שם) יהי דן נחש עלי דרך (שם) נפתלי אילה שלוחה (שם) יששכר חמור גרם יוסף (שם) בכור שורו הדר לו (שם) בנימין זאב יטרף דכתיב ביה כתיב ביה דלא כתיב ביה כתיב ביה (יחזקאל יט) ואמרת מה אמך לביא בין אריות רבצה בתוך כפירים רבתה גוריה:

(שמות א) **מד ויהי** כי יראו המילדות את האלהים ויעש להם בתים רב (ולוי) [ושמואל] חד אמר בתי כהונה ולויה וחד אמר בתי מלכות.

מאן

גזירתן על הזכרים אם בן הוא שם [אתן] יכולות לראות מיד אם בן הוא בלא שום הגבהה: בן פניו למטה. לארץ כדרך תשמישו: בת פניה למעלה. כדרך תשמישה והכי מפרש בגמרא מסכת נדה: אליהן. משמע על עסקי ביאה לשון ויבא אליה: ותחיין. הוה ליה למכתב ולא המיתו את הילדים ותחיין משמע שהיו מסייעות להחיותן שהיו מטמינות אותם בבתיהם ומגדלות אותם: אילימא חיות ממש. מילדות: כחיה נמשלת. וחיות השדה אינן צריכות למילדות: דכתיב ביה כתיב ביה. מי שכתוב בו שנקרא בשם בהמה וחיה הכי כתיב בו ושאין כתיב בו הכי כתיב בכל כנסיותן יחד: מה אמך לביא. אמך כנ"י כולה נקראת לביא:

אהרן

אַנְקֵבָה. אַזָכָר וֶוערְט גִיבָּארִין מִיט דֶעם פָּנִים אַרָאפּ. אוּנ אַנְקֵבָה וֶוערְט גִיבָּארִין מִיט דֶעם פָּנִים אַרוֹיף. אוּנ דִיא הֵייבַּאמְס הָאבֶּען מוֹרָא גִיהַאט פַאר גָאט אוּנ זַייא הָאבֶּען נִיט גִיטָאהן כַּאֲשֶׁר דִבֶּר אֲלֵיהֶן. אַזוֹי וִויא פַּרְעֹה הָאט צוּא זַייא גִירֶעט. פְרֶעגְט דִיא גְמָרָא לָהֶן הָאט גִידַארְפְט שְׁטֵיין. ווָארוּם אֲלֵיהֶן אִיז דֶער טַייטְשׁ צוּא זַייא אוּנ לָהֶן אִיז דֶער טַייטְשׁ צוּא זַייא. דַארְף דָאךְ שְׁטֵיין לָהֶן. דָאס אִיז אַקִירְצֶערֶער וָוארְט] הָאט רַבִּי יוֹסִי בְּרַבִּי חֲנִינָא גִזָאגְט דֶער פָּסוּק דֶער צֵיילְט אוּנְז אַז פַּרְעֹה הָאט מִיט זַייא גִיוָואלְט מְזַנֶה זַיין. אוּנ זַייא הָאבֶּען נִיט גִיוָואלְט. ווָארוּם אֲלֵיהֶן מֵיינְט מֶען עֶר הָאט מִיט זַייא גִירֶעט אַזֶעלְכֶע רֵייד וָואס גִיהֶער צוּא זַייא. זַייא הָאבֶּען דֶער נֶערְט דִיא קִינְדֶער. מִיר הָאבֶּען גִילֶערְנְט נִיט גֶענוּג זַייא הָאבֶּען נִיט גִיהַרְגֶת דִיא קִינְדֶער. זַייא הָאבֶּען נָאךְ גִיבְּרַאכְט שְׁפֵּייז אוּנ וַואסֶער פוּן זֵייעֶרְטְוֶועגִין. דִיא הֵייבַּאמְס הָאבֶּען גִזָאגְט צוּא פַּרְעֹה דִיא יוּדִישֶׁע וַוייבֶּער זֶענֶען נִיט וִויא דִיא וַוייבֶּער פוּן מִצְרַיִם. כִּי חָיוֹת הֵנָּה. פְרֶעגְט דִיא גְמָרָא וָואס מֵיינְט מֶען חָיוֹת. מִיר זָאלִין זָאגִין חָיוֹת מֵיינְט מֶען הֵייבַּאמְס. אַהֵייבַּאם וָואס דַארְף גִיבָּארִין אַקִינְד דַארְף דֶען נִיט צוּא אִיר זָאל קוּמֶען אֵיין אַנְדֶערֶע הֵייבַּאם אִיר הֶעלְפִין צוּא גִיבָּארִין דָאס קִינְד. נָאר אַזוֹי הָאבֶּען דִיא הֵייבַּאמְס גִזָאגְט צוּא פַּרְעֹה. דִיא יוּדִישֶׁע פָאלְק זֶענֶען אַזוֹי וִויא דִיא חַיוֹת פוּן וַואלְד. אוּנ אַחַיָה דַארְף דָאךְ נִיט קֵיין הֵייבַּאם. בַּייא יְהוּדָה שְׁטֵייט עֶר אִיז וִוי אַלֵייבּ. בַּייא דָן שְׁטֵייט עֶר אִיז וִויא אַשְׁלַאנְג. בַּייא נַפְתָּלִי שְׁטֵייט עֶר אִיז וִויא אַהִינְד. בַּייא יִשָּׂשכָר שְׁטֵייט עֶר אִיז וִויא אַאֵייזֶל. בַּייא יוֹסֵף שְׁטֵייט עֶר אִיז וִויא אַאָקְס. בַּייא בִּנְיָמִין שְׁטֵייט עֶר אִיז וִוי אַוָואלְף. בַּייא דִיא שְׁבָטִים וָואס עֶס שְׁטֵייט צוּא וֶועלְכֶע חַיוֹת אוּנ בְּהֵמוֹת זַייא זֶענֶען גֶעגְלִיכֶען שְׁטֵייט דָאךְ. אוּנ בַּייא דִיא שְׁבָטִים וָואס עֶס שְׁטֵייט נִיט צוּא וֶועלְכֶע חַיוֹת זַייא זֶענֶען גֶעגְלִיכֶען. הָאט אוֹיף זַייא גָאט גִזָאגְט צוּא יְחֶזְקֵאל הַנָּבִיא דוּא זָאלְסְט זָאגִין דַיין מוּטֶער אִיז אַלֵייבּ אַנְקֵבָה. צְווִישֶׁען דִיא לֵייבִּין לִיגְט זִיא. צְווִישֶׁען דִיא יוּנְגֶע לֵייבִּין הָאט זִיא גִיטָאהן מֶערִין אִירֶע קִינְדֶער. זֶעהְן מִיר אַז אַלֶע יוּדִין צוּא זַאמֶען זֶענֶען גֶעגְלִיכֶען וִויא זַייא וָואלְטִין גִיוֶוען חַיוֹת גִיבָּארִין גִיוָוארִין:

מד וַיְהִי. אוּנ עֶס אִיז גִיוֶוען אַז דִיא הֵייבַּאמְס הָאבֶּען מוֹרָא גִיהַאט פַאר גָאט הָאט עֶר גִימַאכְט צוּ זַייא הַייזֶער. רַב אוּנ שְׁמוּאֵל קְרִיגֶען. אֵיינֶער זָאגְט הַייזֶער פוּן מְלוּכָה. וּמְלָכִים זָאלִין פוּן זַייא גִיבָּארִין ווֶערִין. אוּנ אֵיינֶער זָאגְט הַייזֶער פוּן כֹּהֲנִים אוּנ לְוִיִם. וּכֹהֲנִים אוּנ לְוִיִם

פון יוסף אונ דער ארון פון די לוחות גיגאנגען איינער נעבין אנדערין. די מענטשין וואס פלעגין דורך גיין פלעגין זאגין וואס זענען די צוויי קאסטינס. האט מען זיי גיענטפערט אין איין קאסטין ליגט א מת. אונ אין דעם אנדעריז קאסטין ליגען די לוחות וואס גאט האט גיגעבין. האבען די דורך גייערס גיפרעגט דארף דען גיין א מת נעבין די לוחות פון גאט האט מען זיי גיענטפערט ווייל דער מת האט מקיים גיוועזן וואס עס שטייט געשריבען אין די לוחות. דריבער מעגין זיי גיין איינס נעבין אנדערין. פרעגט די גמרא אויב משה וואלט זיך ניט בעשעפטיגט מיט די ביינער פון יוסף. וואלטין זיך די יודין ניט בעשעפטיגט מיט זיינע ביינער. עס שטייט דאך אין פסוק די ביינער פון יוסף וואס די יודין האבען אויף גיבראכט פון מצרים האבען זיי בגראבין אין שכם. אונ נאך א קשיא. ווען די יודין וואלטין זיך ניט בעשעפטיגט מיט זיינע ביינער. וואלטין זיך זיינע קינדער ניט בעשעפטיגט מיט זיינע ביינער. עס שטייט דאך אין פסוק שכם איז גיוועזן די נחלה פון יוסף'ס קינדער. האבען דאך די קינדער פון יוסף געוויס ניקאוזט בגראבין די ביינער פון יוסף ביי זיך אין זייער שטאט שכם. פאר וואס שטייט א'ץ אויף דעם נאמען פון משה. אונ אויף דעם נאמען פון אלע יודין. ענטפערט די גמרא די קינדער פון יוסף האבען גילאזט אלע יודין זאלין זיך בעשעפטיגען מיט די ביינער בגראבין. ווייל זיי האבען גזאגט עס איז מער כבוד פאר יוסף אז אלע יודין וועלין זיך בעשעפטיגען מיט זיינע ביינער. ווייא מיר וועלין אונז אליין בעשעפטיגען מיט זיינע ביינער אונ ווען משה האט גילעבט האבען די יודין גזאגט עס איז מער כבוד פאר יוסף אז משה רבינו זאל זיך בעשעפטיגען מיט זיינע ביינער. ווייא מיר וועלין אונז בעשעפטיגען מיט זיינע ביינער. מען האט בגראבין די ביינער פון יוסף אין שכם. פאר וואס אין שכם. האט רבי חמא בר חנינא גזאגט פון שכם האט מען אים גיגנבעט. אונ אין שכם וועלין מיר אים צוריק אוועק געבין. פרעגט די גמרא איז דאך א קשיא די פסוקים. אין איין פסוק שטייט משה האט גינומען די ביינער פון יוסף מיט זיך. אונ אין איין אנדער פסוק שטייט די ביינער פון יוסף וואס די יודין האבען אויף גיבראכט פון מצרים האבען זיי בגראבין אין שכם. האט רבי חמא ברבי חנינא גזאגט דער וואס טוהט א מצוה אונ ער ענדיגט זיא ניט. אונ איין אנדערער

דבר ולא גמרו ובא אחר וגמרו מעלה עליו הכתוב על שגמרו כאילו עשאו ר׳ אלעזר אומר אף מורידין אותו מגדולתו דכתיב (בראשית לח) ויהי בעת ההיא וירד יהודה מאת אחיו רבי שמואל בר נחמני אמר אף קובר אשתו ובניו שנאמר (שם) ותמת בת שוע אשת יהודה וכתיב (שם) וימת ער ואונן:

נח אמר רב יהודה אמר רב מפני מה נקרא יוסף עצמות בחייו מפני שלא מיחה בכבוד אביו דקא אמרי ליה עבדך אבינו ולא מיחה ולא אמר להו מידי: ואמר רב יהודה א״ר ואיתימא ר׳ (יוסף) [חמא] ברבי חנינא מפני מה מת יוסף קודם אחיו מפני שהנהיג עצמו ברבנות (בראשית לט) ויוסף הורד מצרימה אמר רבי אלעזר אל תקרי הורד אלא הוריד שהוריד אצטגניני פרעה מגדולתם. (שם) ויקנהו פוטיפר סריס פרעה אמר רב שקנאו לעצמו (בא גבריאל וסרסו) בא גבריאל ופרעו מעיקרא כתיב פוטיפר ולבסוף כתיב פוטיפרע:

נט פיסקא מי לנו גדול ממשה שלא נתעסק בו אלא הקב״ה שנאמר (דברים לד) ויקבור אותו בגי מול בית פעור וגו׳ ע״כ. (שם ו) ויאמר ה׳ אלי רב

בארית ישראל: אף מורידין אותו מגדולתו. מן השמים למתחיל ואינו גומר אלא אם כן נאנה מצוה במת בעבר הירדן: דכתיב וירד יהודה וגימר. שאת התחיל בהצלת יוסף ולא גמר כשאמר מה בצע וגומר: נקרא יוסף עצמות בחייו. שנאמר והעליתם את עצמותי מזה ועודנו חי: שהוריד אצטגניני פרעה מגדולתן. כשפתר את החלום והם לא ידעו לפתרו: לעצמו. למשכב זכור מתוך יפיו: פרעו. היינו סרוס יתירה. הגא בא גבריאל וסרסו לא גרסינן:

כרב

איז גיקומען אונ האט איר גיענדיגט. רעכנט דער פסוק אויף דעם וואס האט איר גיענדיגט גלייך וויא ער וואלט גיטאהן אין גאנצן. רבי אלעזר זאגט דער וואס הייבט אן צוא טאהן א מצוה אונ ער ענדיגט זיא ניט. נידערט מען אים אראפ פון זיין גרויסקייט. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אין דער צייט האט יהודה אראפ גענידערט פון זיינע ברידער. ווייל ער האט אן גיהויבען מציל זיין יוסף. מען זאל אים ניט הרגנן. אונ ער האט אים ניט מציל גיוועזן אין גאנצן: דריבער האט ער אראפ גענידערט פון זיין גרויסקייט. רבי שמואל בר נחמני זאגט אז מען הייבט אן א מצוה אונ מען ענדיגט זיא ניט. בגראבט מען דיא ווייב מיט דיא קינדער. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק בת שוע דיא ווייב פון יהודה איז גישטארבין. אונ זיינע צוויא קינדער ער אונ אונן זענען אויך גישטארבין:

נח אמר. רב יהודה האט גזאגט פון רבס וועגן פר וואס איז יוסף גערופין גיווארין ביינער. ווען ער האט נאך גילעבט. אזוי וויא יוסף אליין האט אויף זיך גזאגט. איר זאלט אויף ברייגגען מיינע ביינער. ענטפערט דיא גמרא ווייל ער האט ניט גיווערט אויף דעם כבוד פון זיין פאטער. דיא ברידער האבען גזאגט צוא אים דיין קנעכט אונזער פאטער. אונ ער האט זיי ניט גיווערט. אונ ער האט ניט גזאגט צוא זייא אויף אייער פאטער זאלט איר ניט זאגין ער איז מיין קנעכט. נאך האט רב יהודה גזאגט פון רבס וועגין. אנדערע זאגין רבי חמא ברבי חנינא האט גזאגט פר וואס איז גישטארבין יוסף פריער וויא אלע ברידער. ווייל ער האט זיך געפירט מיט גרויסקייט. אין פסוק שטייט ויוסף הורד מצרימה. רבי אלעזר זאגט זאלסט ניט לייענען הורד. נאר זאלסט לייענען הוריד. ער האט אראפ גענידערט דיא שטערין זעהר פון פרעה פון זייער גרויסקייט. זייא האבען ניט געוואוסט צוא בשיידין דעם חלום פון פרעה: אונ יוסף האט גיוואוסט. אין פסוק שטייט ויקנהו פוטיפר סריס פרעה. רב זאגט פוטיפר האט גיקויפט יוסף פאר זיך ער זאל מיט אים משכב זכר זיין. איז גיקומען דער מלאך גבריאל אונ האט גימאכט ער זאל ניט קענען משכב זכר זיין. ווארום פריער שטייט פוטיפר. ער איז גיוועזן א זכר. דער נאך שטייט פוטיפרע. ווייל ער איז גיווארין אזוי וויא א נקבה. ער האט ניט גיקענט בוועל זיין קיין זכר אונ ניט קיין נקבה:

נט פיסקא. וועד איז בייא אונז גרעסער וויא משה רבינו. אונ קיינער האט זיך ניט גישעפטיגט מיט זיין בגר עצמים. נאר גאט אליין. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק גאט האט אים בגראבין אין טאהל. געגין דיא עבודה זרה פעור. אין פסוק שטייט ויאמר ה׳ אלי רב לך: גאט האט

רב לך א"ר לוי ברב בישר ברב בישרוהו ברב בישר דכתיב (במדבר טז) רב לכם בני לוי ברב בישרוהו רב לך ד"א רב לך רב יש לך ומנו יהושע ד"א רב לך שלא יאמרו הרב כמה קשה והתלמיד כמה סרבן וכל כך למה תנא דבי ר' ישמעאל לפום גמלא שיחנא. (דברים לא) ויאמר אליהם בן מאה ועשרים שנה אנכי היום שאין ת"ל היום ומת"ל היום היום מלאו ימי ושנותי ללמדך שהקב"ה משלים שנותיהם של צדיקים מיום ליום ומחדש לחדש שנא' (שמות כג) את מספר ימיך אמלא. לא אוכל עוד לצאת ולבא מאי לצאת ולבא אילימא לצאת ולבא ממש והכתיב (דברים לד) ומשה בן מאה ועשרים שנה במותו לא כהתה עינו ולא נס לחה וכתיב (שם) ויעל משה מערבות מואב אל הר נבו ותניא שתים עשרה מעלות היו שם ופסעם משה בפסיעה אחת אמר רב שמואל בר נחמני אמר ר' יונתן לצאת ולבא בדברי תורה מלמד שנסתתמו ממנו מעינות החכמה (שם לא) וילך משה ויהושע ויתיצבו באהל מועד תנא אותה שבת של דיוזני היתה

פירוש: רב בישר. את בני מהלוקתו רב לכם בני לוי והקב"ה מדקדק עם הצדיקים כחוט השערה ונענש בלאוה מדה: רב יש לך. הגיעה מלכותו של יהושע ואין מלכות נוגעת בחברתה ואפילו כמלא נימא: דבר אחר רב לך. די לך אל תרבה עוד בקשה: שלא יאמרו הרב כמה קשה. שאינו מתפייס ושומע לו: והתלמיד כמה סרבן. מפציר ולבו חכמים הוא כן מסרבין בו לשאת את בת אחותו בנדרים ובשבועות במסרב בו חבירו שיאכל עמו: (וכל כך למה. מה עונש רב בשמעו לא המורים שהרבה בהתמות הרבה ולא נענה): לפום גמלא שיחנא. לפי כח הגמל טוענין במשאוי אף כאן לפי צדקתו מדקדקים אחריו: היום מלאו. וביום זה נולדתי: לא נס לחה. לא ברח להלוחית כחו: דיוזגי. של זוגות שני הכרים היו בה התלת היום

גזאגט צוא מיר פיל צוא דיר. רבי לוי האט געזאגט משה האט געזאגט דעם ווארט רב. און דעם ווארט רב האט גאט געזאגט צוא משה: משה האט געזאגט דעם ווארט רב. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק משה האט געזאגט צוא קרח. פיל צוא אייך איר קינדער פון לוי: דעם ווארט רב האט גאט געזאגט צוא משה. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק גאט האט געזאגט פיל צוא דיר. אנדערע זאגין רב לך איז דער טייטש א רבי איז דא צו דיר. דאס איז יהושע. אנדערע זאגין אזוי מיינט מען רב לך. פיל צוא דיר. גענוג בעטין. מען זאל ניט זאגין וויא שלעכט איז דער רבי. און וויא שטארק דער תלמיד בעט. און פאר וואס איז גאט אויף אים אזוי אין כעס געוועזן. דבי רבי ישמעאל האבען געלערנט נאך דעם קעמיל לייגט מען דיא משא. ווייל משה איז געוועזן אזוי פרום. דריבער איז ביי אים אקליינע עבירה אויך גרויס. אין פסוק שטייט משה האט געזאגט צוא דיא יודין הונדערט מיט צוואנציג יאהר בין איך היינט: צוא וואס שטייט דער ווארט היינט. צוא זאגין אז ריכטיג היינט האבען זיך אויס געלאזין דיא הונדערט מיט צוואנציג יאהר. ווארום היינט בין איך געבוירין געווארין. דער פסוק דער ציילט אונז אז גאט לאזט אויס דיא יאהרין פון דיא צדיקים פון טאג צוא טאג. און פון חודש צוא חודש: דער צדיק שטארבט אין דעם זעלבען חודש און אין דעם זעלבינגען טאג וואס ער איז געבוירין געווארין: אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דעם צאהל פון דיינע טעג וועל איך דיר פילען. משה רבינו האט געזאגט איך קען ניט ארויס גיין און קומען. וואס מיינט מען ארויס גיין און קומען. מיר זאלין זאגין ווייל משה איז שוואך געוועזן דריבער קען ער ניט ארויס גיין און קומן. עס שטייט דאך אין פסוק משה איז אלט געוועזן הונדערט מיט צוואנציג יאהר ווען ער איז געשטארבין. זיין אויג איז ניט טונקעל געווארין. זיין פייכטקייט איז פון אים ניט אנטלאפין. און נאך שטייט אין פסוק משה איז ארויף געגאנגען פון ערבות מואב ביז צום בארג נבו. און מיר האבען געלערנט צוועלף טרעפ איז דארטין געוועזן. און מיט איין שפרונג איז משה ארויף געשפרונגען אלע צוועלף טרעפ. זעהן מיר דאך אז משה איז געוועזן שטארק פאר זיין טויט. נאר וואס דען מיינט ער איך קען ניט ארויס גיין און אריין קומען. האט רב שמואל בר נחמני געזאגט פון רבי יונתן וועגין. משה רבינו האט געמיינט איך קען ניט ארויס גיין און אריין גיין אין דער תורה. ווייל עס איז פאר מאכט געווארין פון אים דיא קוואלין פון חכמה. אין פסוק שטייט משה און יהושע זענען געגאנגען און האבען זיך געשטעלט אין אהל מועד. מיר האבען געלערנט דער שבת איז געוועזן אפאר. צוויי חכמים

היתה ניטלה רשות מזה וניתנה לזה:

ס תניא אמר רב יהודה אלמלא מקרא כתוב א"א לאומרו היכן משה מת בחלקו של ראובן דכתיב (דברים לד) ויעל משה מערבות מואב אל הר נבו ונבו בחלקו של ראובן קימא דכתיב (במדבר לב) ובני ראובן בנו את חשבון ואת אלעלא ואת קריתים ואת נבו ואת בעל מעון (נבו ששם מתו ג' נביאים משה אהרן ומרים) והיכן משה קבור בחלקו של גד דכתיב (דברים לג) וירא ראשית לו כי שם חלקת מחוקק ספון מחלקו של ראובן עד הלקו של גד כמה הוי ארבעה מילין אותן ארבעה מילין מי הוליכו מלמד שהיה משה (מת) מוטל בכנפי שכינה ומלאכי השרת אומרים (שם) צדקת ה' עשה ומשפטיו עם ישראל והקב"ה מאי אמר (תהלים צד) מי יקום לי עם מרעים מי יתיצב לי עם פועלי און ושמואל אמר (קהלת ח) מי כהחכם ומי יודע פשר דבר ורבי יוחנן אמר (איוב כח) והחכמה מאין תמצא ואיזה מקום בינה ורב נחמן (בר יצחק) אמר (דברים לד) וימת שם משה עבד ה'. סמליון אמר וימת שם משה ספרא רבא דישראל:

סא תניא רבי אליעזר הגדול אומר שנים עשר מיל על שנים עשר מיל כנגד מחנה ישראל היה בת קול משמיע ואמר וימת משה ספרא רבא דישראל ויש אומרים לא מת משה כתיב הכא וימת שם משה וכתיב התם (שמות לד) ויהי שם עם ה' ארבעים יום וארבעים לילה מה להלן עומד ומשמש אף כאן עומד ומשמש (דברים לד) ויקבור

למשה וסופו ליהושע: בכנפי השכינה. בכנף הוד לבושו: מי יקום לי עם מרעים. להוכיחם לשמי: פשר דבר. ששיה יודע לעשות פשרה בינו ובין (בניו) [בני]: סמליון. שם חכם:

האבען גידרשת דעם שבת. פר האלבין טאג האט משה גידרשת. דר נאך איז צו גינומען גיווארין די חכמה פון משה. אונ עס איז גיגעבין גיווארין צוא יהושע:

ס תניא. מיר האבען גילערונט רבי יהודה זאגט ווען דער פסוק וואלט ניט גישטאנען. וואלט מען דאס אליין ניט גיקענט זאגין וואו איז משה גישטארבין אין דעם חלק וואס גיהער צוא ראובן. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק משה איז אויף גיגאנגען פון ערבות מואב צום הר נבו. אונ דער בארג נבו איז גיוועזן אין חלק פון ראובן. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אונ דיא קינדער פון ראובן האבען גיבאהט דיא שטאט חשבון אונ אלעלא אונ קריתים אונ נבו אונ בעל מעון. ודארט זענען גישטארבין אלע דריי נביאים משה אהרן מרים. אונ וואו איז משה בגראבין אין דעם חלק פון גד. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק גד האט גיזעהן צוא הערשט פאר זיך אז דארט אין זיין לאנד איז דא אפעלד וואס משה רבינו וועט דארט זיין בהאלטין. פון דעם חלק פון ראובן ביז דעם חלק פון גד וויא פיל איז. פיר תחום שבת. דיא פיר תחום שבת ווער האט אים געפירט: נאר משה איז גילעגין אין דיא פליגעל ואדער אין דיא פאלעס פון גאט. אונ דיא מלאכים האבען גזאגט משה האט גיטאהן דיא גירעכטיגקייט פון גאט. אונ זיינע משפטים האט ער גיטאהן מיט דיא יודין. אונ גאט וואס האט גזאגט. ווער וועט שטיין מיט דיא שלעכטע מענטשין. אונ ווער וועט שטיין מיט דיא מענטשין וואס טוהען אומרעכט: מען זאל זיא שטראפין פון מיינעט וועגין. אז משה איז נישטא: שמואל זאגט גאט האט גזאגט ווער איז אחכם אונ ווער וויים צוא פאר גלייכין אזאך אז משה איז נישטא. רבי יוחנן זאגט גאט האט גזאגט דיא חכמה פון וואנען וועט גיפונען ווערין אונ וואו וועט מען געפינען דיא פאר שטאנדיגקייט. אז משה איז נישטא. רב נחמן זאגט גאט האט גזאגט משה דער קנעכט פון גאט איז גישטארבין. סמליון זאגט גאט האט גזאגט משה דער גרויסער שרייבער פון דיא יודין איז גישטארבין:

סא תניא: מיר האבען גילערונט רבי אליעזר הגדול זאגט צוועלף תחום שבת אויף צוועלף תחום שבת וויא גרוים דיא מחנה יודין זענען גיוועזן האט מען גיהערט וויא אקול פון הימעל שרייט אונ זאגט משה דער גרויסער שרייבער פון דיא יודין איז גישטארבין. אנדערע

ב׳מן בתוך סימן. כלומר סימנים הרבה כלומר מולא בגיא מול בית פעור והוא על ס
כן וכו׳: מלכות הרשעה. הגס: גסטרא. מוש.
כמו שאמר קומוס דוכוס פלטון ותכירו נגרכוס ריהטון קרטון גסטרא:

ויקבור אותו בגיא בארץ מואב מול בית פעור א״ר ברכיה סימן בתוך סימן ואפי׳ הכי ולא ידע איש את קבורתו וכבר שלחה מלכות הרשעה אצל (דף יד) גסטרא של בית פעור הראונו היכן משה קבור עמדו למעלה נדמה להם למטה נדמה להם למעלה נחלקו לשתי כתות אותם העומדים למעלה נדמה להם למטה אותם העומדים למטה נדמה להם למעלה לקיים מה שנאמר ולא ידע איש את קבורתו עד היום הזה א״ר חמא ברבי חנינא אף משה רבינו אינו יודע היכן קבור כתיב הכא ולא ידע איש את קבורתו וכתיב התם (שם לג) וזאת הברכה אשר ברך משה איש האלהים וא״ר חמא בר חנינא מפני מה נקבר משה רבינו מול בית פעור כדי לכפר על מעשה פעור:

וסב וא״ר חמא ברבי חנינא מפני מה נסתתר קברו של משה מעיני ב״ו מפני שגלוי וידוע לפני הקב״ה שעתיד בה״מ ליחרב ולהגלות את ישראל מארצם שמא יבואו לקבורתו של משה באותה שעה ויעמדו בבכי ויתחננו למשה ויאמרו לו משה רבינו עמוד בתפלה בעדנו ועומד משה ומבטל את הגזירה מפני שהביבים צדיקים במיתתם

ואגין משה איז ניט גישטארבין. ווארום דא שטייט וימת שם משה. אונ דארט שטייט ויהי שם עם ה׳ ארבעים יום וארבעים לילה. לערנען מיר אגזרה שוה שם שם. אזוי וויא דארט דיא פערציג טעג איז משה גישטאנען אונ האט בעדינט פאר גאט. אזו דא אויך שטייט משה אונ בדינט פאר גאט. אין פסוק שטייט ער האט אים בגראבן אין טאהל אין לאנד מואב געגין דיא עבודה זרה פעור. רבי ברכיה זאגט דער פסוק גיט אסימן אויף אסימן אונ פון דעסטוועגין וויים דאך קין מענטש ניט וואו ער איז בגראבין. דער מלך ארם האט אמאהל געשיקט צוא דעם פירשט פון דעם ארט וואס דארט איז דיא עבודה זרה פעור. אונ האט גיזאגט צוא אים ווייזט אונז וואו משה איז בגראבין. אז זייא זענען גישטאנען אין דיא הייך. האט זייא אויס גיזעהן אז דער קבר פון משה איז אין דער נידער. אז זייא זענען גישטאנען אין דער נידער: האט זייא אויס גיזעהן אז דער קבר פון משה איז אין דיא הייך. האבען זייא זיך צוא טיילט אויף צוויא טייל. איין טייל איז גישטאנען הויבין. אונ איין טייל איז גישטאנען אונטען. דיא וואס זענען גישטאנען אין דיא הייך. האט זייא אויס גיזעהן אז דער קבר איז אונטען. דיא וואס זענען גישטאנען אונטען. האט זייא אויס גיזעהן אז דער קבר איז הויבין. צוא מקיים זיין וואס עס שטייט אין פסוק קיין מענטש האט ניט גיוואוסט זיין בגרעבנים ביז היינטיגען ט ג. רבי חמא ברבי חנינא זאגט משה רבינו אליין וויים ניט ער וואו איז בגראבין. דא שטייט ולא ידע איש את קבורתו. קיין מענטש וויים ניט זיין בגרעבנים. אונ דארט שטייט וזאת הברכה אשר ברך משה איש האלהים: דאס איז דיא ברכה וואס משה דער געטליכער מענטש האט גיבענשט. אזוי וויא דארטין ווערט משה גירופען איש. אזוי דא אז עס שטייט איש. מיינט מען אויך משה. נאך האט רבי חמא ברבי חנינא גזאגט פאר וואס איז משה רבינו בגראבין גיווארין געגין דיא עבודה זרה פעור. ער זאל מכפר זיין דיא עבירה וואס דיא יודין האבען גיטאהן מיט די עבודה זרה פעור:

סב ואמר. נאך האט רבי חמא בר חנינא גזאגט פאר וואס איז פאר בארגין גיווארין דער קבר פון משה פון אלע מענטשין. ווייל גאט האט געוואוסט אז דער בית המקדש וועט חרוב ווערין אונ יודין וועלין פאר טריבען ווערין פון זייער לאנד. טאמער וועלין זייא אין דער צייט קומען צום קבר פון משה רבינו אונ זייא וועלין דארט וויינען אונ בעטין בייא משה. אונ זייא וועלין זאגין צוא אים משה רבינו שטייא אויף אונ בעט פון אונזערט וועגין. וועט זיך משה שטעלין מתפלל זיין אונ וועט מבטל זיין דיא גזרה ווארום צדיקים זענען ליבער בייא גאט נאך

במיתתם יותר מבהייהם שכן אתה מוצא בשעה שהיו ישראל במדבר וסרחו במעשיהם ועשו עגל קצף הקב"ה על ישראל אמר למשה (דברים ט) הרף ממני ואשמידם כמה צדיקים היו באותו הדור וכמה חסידים משה ואהרן ויהושע אלדד ומידד ושבעים זקנים ושאר חכמים ותלמידים ולא עשה בשבילם ולא ביטל הגזירה אלא בשביל משה) . (שם) וא"ר חמא ב"ח מאי דכתיב (שם יג) אחרי ה' אלהיכם תלכו וכי אפשר לו לאדם להלוך אחרי שכינה והלא כבר נאמר (שם ד) כי ה' אלהיך אש אוכלה הוא אל קנא אלא הלך אחר מדותיו של הקב"ה מה הוא הלביש ערומים דכתיב (בראשית ג) ויעש ה' אלהים לאדם ולאשתו כתנות עור וילבישם אף אתה הלבש ערומים הקב"ה ביקר חולים דכתיב (שם יח) וירא אליו ה' באלוני ממרא אף אתה בקר חולים . הקב"ה קבר מתים דכתיב (דברים לד) ויקבור אותו בגיא אף אתה קבור מתים . הקב"ה נחם אבלים דכתיב (בראשית כה) ויהי אח־י מות אברהם ויברך אלהים את יצחק בנו אף אתה נחם אבלים ויעש ה' אלהים לאדם ולאשתו כתנות עור וילבישם רב ושמואל ה"א דבר הבא מן העור וחד אמר דבר שהעור נהנה (בו) [ממנו] . דרש ר' שמלאי תורה תחלתה גמילות חסדים וסופה ג"ח תחלתה ג"ח דכתיב (שם ג) ויעש ה' אלהים לאדם ולאשתו כתנות עור וילבישם וסופה גמילות חסדים דכתיב ויקבור אותו בגי :

ויברך אלהים את יצחק בנו . נחמו על אביו וברכו ברכת אבלים : דבר הבא מן העור. של צמר גיז : שהעור נהנה ממנו . של פשתן שאדם לובש סמוך לעורו : תחלתה גמילות חסדים . הלביש ערומים :

דרש

זייער שטארבין . מער ווייא זייא זענען ליב גיוועזן בייא זייער לעבין . ווארום אזוי געפינען מיר ווען דיא יודין זענען גיוועזן אין דער מדבר : אונ זייא האבען געזינדיגט מיט דעם עגל וואס זייא האבען גימאכט . איז גאט אין כעס גיוועזן אויף דיא יודין אונ ער האט גזאגט צוא משה לאז מיך אפ וועל איך זייא פאר טיליגען : פיל צדיקים זענען גיוועזן בייא דעם דור : פיל חסידים זענען גיוועזן משה אהרן יהושע אלדד מידד אונ דיא זיבעציג זקנים אונ נאך אנדערע חכמים אונ תלמידים . אונ גאט האט ניט גיטאהן פון זייערט וועגין . אונ ער האט ניט מבטל גיוועזן דיא גזרה נאר פון וועגין משה . נאך האט רבי חמא בר חנינא גזאגט עס שטייט אין פסוק איר זאלט גיין אינטער גאט . קען דען אמענטש גיין אינטער גאט . עס שטייט דאך אין פסוק גאט איז אברענענדיגער פייער ער איז אצארענדיגער גאט . נאר מען מיינט ער זאל גיין נאך דיא מדות פון גאט . אזוי וויא גאט האט בקליידט נאקעטע . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק גאט האט גימאכט פאר אדם אונ זיין ווייב העמדלעך פון פעל אונ ער האט זייא אן גיקליידט . אזוי זאלסטו אויך בקליידען נאקעטע . גאט האט מבקר חולים גיוועזן . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק גאט איז גיזעהן גיווארין צוא אברהם אין פלאץ פון ממרא . זעהן אונ פרעגין אים אויב ער איז שוין געזונד גיווארין נאך דעם מל זיין . אזוי דוא זאלסט אויך גיין צוא קראנקע פרעגין וואס זייא מאכען . גאט האט בגראבין מתים : אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ער האט אים בגראבין אין טהל . אזוי דוא זאלסט אויך בגראבין מתים . גאט האט גיטרייסט אבלים : אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דער נאך וויא אברהם איז גישטארבין . האט גאט גיבענשט זיין זוהן יצחק . אונ האט אים גיטרייסט . אזוי דוא זאלסט אויך טרייסטין אבלים . אין פסוק שטייט גאט האט גימאכט צוא אדם אונ צו זיין ווייב כתנות עור אונ האט זייא אן גיקליידט : רב אונ שמואל קריגען . איינער זאגט דיא העמדיל איז גיוועזן פון דיא זאכען וואס מען נעמט אראפ פון דיא פעל . פון וואל . אונ איינער זאגט דיא העמדל איז גיוועזן פון אזוי אזאך וואס די הויט פין מענטשין האט פון דעם הנאה . דס איז פלאקס . רבי שמלאי האט גידרשת דער אנהייב תורה איז גמלות חסדים . אונ דער סוף תורה איז גמלות חסדים . דער אנהייב תורה איז גמלות חסדים : אזוי וויא עס שטייט אין פסוק גאט הט גמאכט פאר אדם אונ זיין ווייב העמדלאך פון פעל אונ הט זייא אן גיקליידט . דער סוף תורה איז אויך גמלות חסדים . אזו וויא עס שטייט אין פסוק ער הט אים בגראבין אין טאהל :

ולפושעים יפגיע . בשביל פושעים הפגיע : סל"ה :
סליק :

סג דרש רבי שמלאי מפני מה נתאוה משה רבינו ליכנס לא"י וכי לאכול מפריה היה צריך אלא כך אמר משה רבינו הרבה מצות נצטוו ישראל שאינם מתקיימות אלא בארץ [ישראל] אכנס אני לארץ כדי שיתקיימו על ידי אמר לו הקב"ה כלום אתה מבקש אלא לקבל שכר מעלה אני עליך כאילו עשיתם שנאמר (ישעיה נג) לכן אחלק לו ברבים ואת עצומים יחלק שלל תחת אשר הערה למות נפשו ואת פושעים נמנה והוא חטא רבים נשא ולפושעים יפגיע לכן אחלק לו ברבים שאני מחלק לו שכר שלם שמא תאמר כאחרונים ולא כראשונים ת"ל ואת עצומים יחלק שלל כאברהם יצחק ויעקב שהיו עצומים בתורה ובמצות תחת אשר הערה למות נפשו שמסר עצמו למיתה שנאמר (שמות לב) ועתה אם תשא חטאתם ואם אין מחני נא מספרך אשר כתבת . ואת פושעים נמנה שנמנה עם מתי מדבר . והוא חטא רבים נשא שכיפר על מעשה העגל . ולפושעים יפגיע שבקש רחמים על פושעי ישראל שיחזרו בתשובה ואין פגיעה אלא תפלה שנאמר (ירמיה ז) ואתה אל תתפלל בעד העם הזה ואל תשא בעדם רנה ותפלה ואל תפגע בי :

היה

סג דרש : רבי שמלאי האט גידרשת פאר וואס האט משה רבינו גיגלוסט אריין צוא גיין אין ארץ ישראל . האט ער דען גיוואלט עסין דיא פירות פון ארץ ישראל . אדער ער האט גיוואלט זאט ווערין פון איר גוטס . נאר אזוי האט משה רבינו גזאגט פיל מצות זענען יודין גיבאטין גיווארין וואס מען קען זייא ניט מקיים זיין נאר אין ארץ ישראל : וועל איך אויך אריין גיין אין ארץ ישראל דיא מצות זאלין מקוים ווערין דורך מיר אויך . האט גאט גזאגט צוא משה דוא ווילסט דאך נאר מקיים זיין דיא מצות . דוא זאלסט נעמען שכר פאר זייא . איך רעכין אויף דיר גלייך וויא דוא וואלסט אלע מצות מקיים גיוועזן . אונ איך וועל דיר געבין שכר פאר אלע מצות . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק לכן אחלק לו ברבים ואת עצומים יחלק שלל תחת אשר הערה למות נפשו ואת פושעים נמנה והוא חטא רבים נשא ולפושעים יפגיע . דער פסוק גייט אויף משה רבינו לכן אחלק לו ברבים . איך וועל אים געבין א גאנצין שכר . טאמער וועסטו זאגין אזוי אשכר וויא דיא לעצטע מענטשין האבען . אבער ניט וויא דיא ערשטע . שטייט אין פסוק ואת עצומים יחלק שלל . מיט דיא שטארקע וועט ער צוא טיילין דיא רויב . דיא שטארקע מיינט מען אברהם יצחק יעקב וואס זייא זענען גיוועזן שטארק אין דיא תורה . מיט מצות : דר שכר קומט אים תחת אשר הערה למות נפשו . ווייל ער האט זיך איבער גיגעבין צום שטארבין פאר דיא יודינס וועגין . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק משה רבינו האט גזאגט אונ איצט אויב דו וועסט פר געבין זייער זינד איז גוט אונ אוב ניט זאלסטו מיך אפ מעקין פון דיין ספר וואס דוא האסט געשריבען . ואת פושעים נמנה . אונ משה איז געציילט גיווארין מיט דיא זינדיגע . מיט דיא מענטשין וואס זענען גישטארבין אין דער מדבר . והוא חטא רבים נשא : אונ ער האט גיטראגין אויף זיך דעם זינד פון פיל מענטשין . וואס ער האט גינומען אויף זיך דיא זינד פון דעם עגל : ולפושעים יפגיע : אונ ער בעט גאט זאל רחמנות האבען אויף דיא זינדיגע יודין . זייא זאלין תשובה טאהן . ווארום יפגיע איז דער טייטש תפלה : אזוי וויא עס שטייט אין פסוק גאט האט גזאגט צוא ירמיה הנביא דוא זאלסט ניט מתפלל זיין פאר דעם פאלק אונ זאלסט ניט טראגין פאר זייא קיין גיזאנג אונ קיין גיבעט . ואל תפגע בי . אונ זאלסט ניט בעטין צו מיר פאר זייערט וועגין :

היה מביא פרק שני

א משנה היה מביא את מנחתה בתוך כפיפה מצרית ונותנה על ידה כדי ליגעה וכו':

גמ' תניא אבא חנין אומר משום ר' אלעזר [אליעזר] (וכ"כ למה) כדי ליגעה כדי שתחזור בה אם כבה חסה התורה על עוברי רצונו ק"ו על עושי רצונו:

(דף סו) **ב תניא** אמר ר"ש בדין הוא שתהא מנחת חוטא טעונה שמן ולבונה שלא יהא חוטא נשכר ומפני מה אינה טעונה שלא יהא קרבנו מהודר ובדין הוא שתהא חטאת חלב טעונה נסכים שלא יהא חוטא נשכר ומפני מה אינה טעונה שלא יהא קרבנו מהודר אבל חטאתו של מצורע ואשמו טעונין נסכין לפי שאין באין על חטא:

ג פיסקא ר"ג אומר כשם שמעשיה מעשה בהמה כך קרבנה מאכל בהמה תניא אמר להם ר"ג להכמים סופרים הניחו לי ואדרשנה כמין חומר (ע"ג) דשמעיה לרבי מאיר

פירוש

וכ"כ למה אנו טורחין ליגעה: על עוברי רצונו. שאף זינתה עברה על רצונו של מקום ורוצה שהודה שלא תבדק:

שלא יהא חוטא נשכר להקל במנחתו יותר משאר מנחות: חטאת חלב. כל חטאת כתם קרי חטאת חלב דבתר חלב כתיב כל חלב וכל דם לא תאכלו וכתיב בתריה פרשת חטאת: נסכים. כולא למנחה עשרון לכבש יין ושמן רביעית ההין כמו שמקריבין לעולה ושלמים ומפני מה אינה טעונה דכתיב בפרשת נסכים לפלא נדר או לנדבה נדר או נדבה טעון נסכים ואין חטאת ואשם טעונים נסכים: חטאת ואשמות של מצורע איתרבו בהדיא לנסכים במסכת מנחות פרק שתי מדות: חומר. בוט"ן בלע"ז והוא של זהב והותמין בו ב' צוארי חלוק לנוי: דשמעיה לרבי מאיר דאמר. וכו' בפ"ק

פרק שני

א משנה. היה. דער מאן האט געבראכט די מנחה פון דער סוטה אין אקארב וואס זיא איז געפלאכטין פון קארע וואס ארום אבוים: אונ ער האט געשטעלט די מנחה מיט דיא קארב אויף איר האנט זיא זאל מיד ווערין: זאגט דיא גמרא מיר האבען געלערנט אבא חנין זאגט פון רבי אליעזר'ס וועגין צו וואס האט מען דאס געשטעלט אויף איר האנט: מען זאל איר מיד מאכין. טאמער וועט זיא מודה זיין אז זיא האט מזנה געוועזן. וועט זיא ניט טרינקען דיא מים המאררים. וועט זיא ניט קראנק ווערין. אויב דיא תורה האט רחמנות געהאט אויף אזעלכע וואס טוהען ניט דעם ווילען פון גאט: געוויס אז דיא תורה האט רחמנות אויף אזעלכע וואס טוהען יא דעם ווילען פון גאט:

ב תניא. מיר האבען געלערנט רבי שמעון זאגט דער דין דארף זיין אז איינער ברייננגט אמנחה אויף אעבירה וואס ער האט געטאהן. זאל ער דארפין ברייננגען צו דיא מנחה בוימאייל מיט בשמים. אזוי וויא אלע מנחות זענען מיט בוימאייל אונ מיט בשמים. ווארום פאר וואס זאל דער זינדיגער פארדינען. זיין מנחה זאל קאסטין וועלוועלער. נאר פאר וואס האט מען גזאגט אז צו אמנחה וואס אויף אעבירה דארף מען ניט ברייננגען בוימאייל מיט בשמים. דער קרבן זאל ניט זיין שיין. דער דין וואלט גידארפט זיין אז איינער האט גיגעסין חלב אונ ער ברייננגט אקרבן חטאת. זאל מען דארפין ברייננגען צו דעם קרבן. נסכים (אמנחה אונ ויין). אזוי וויא מען ברייננגט צו אלע קרבנות. ווארום פאר וואס זאל דער זינדיגער פארדינען. נאר פאר וואס האט מען גזאגט אז צו אקרבן חטאת דארף מען ניט ברייננגען נסכים. דער קרבן זאל ניט זיין שיין. אבער דער קרבן חטאת פון אמצורע אונ דער אשם פון אמצורע צו זייא דארף מען ברייננגען נסכים ווייל זייא קומען ניט אויף אעבירה:

ג פיסקא. רבן גמליאל זאגט אזוי וויא דיא סוטה האט געטאהן וויא אבהמה. אזוי איז איר קרבן פון אעסין וואס אבהמה עסט. מיר האבען געלערנט רבן גמליאל האט גזאגט צוא דיא חכמים איר לומדים לאזט מיך וועל איך דרשנען דיא זאך אזוי שיין וויא דיא גאלדענע צירונג וואס מען גייט ביא דעם האלדז. ווארום ער האט געהערט וויא רבי מאיר זאגט זיא האט גיגעבין עסין דעם נואף וואס האט מיט איר מזנה גיוועזן דיא בעסטע שפייזין. דריבער זאל

מאיר דקאמר היא האכילתו מעדני עולם לפיכך קרבנה מאכל בהמה אמרו לו התינח עשירה עניה מאי איכא למימר אלא כשם שמעשיה מעשה בהמה כך קרבנה מאכל בהמה:

(דף טז ע"ב) **ג** **ת"ר** ג' צריכין שיראו עפר סוטה ואפר פרה ורוק יבמה משום ר' ישמעאל אמרו אף דם צפור:

(דף יז) **ד** **דרש** רבי עקיבא איש ואשה זכו שכינה ביניהם לא זכו אש אוכלתן אמר רבא והאשה עדיפא מהאיש מאי טעמא האי מצרף והאי לא מצרף. אמר רבא מפני מה אמרה תורה הבא עפר לסוטה שאם זכתה הויין לה בנים כאברהם אבינו דכתיב ביה (בראשי' יח) ואנכי עפר ואפר לא זכתה תחזור לעפרה:

דרש

הפ"ק גבי נפדה שאדם מודר: עניה. לא האכילתו מעדנים למה מביאה מאכל בהמה: אלא. היא עשתה מעשה בהמה שהפקירה עצמה לתשמיש למי שאינו בן זוגה:

עפר סוטה. דכתיב אל המים פירשה עליהם מדלא כתיב במים: ואפר פרה. דג"ש גמירי מהדדי עפר סוטה ואפר פרה כדלקמן: ורוק יבמה. לעיני הזקנים דכתיב לעיני הזקנים וחלצה וירקה: אף דם צפור. של מצורע ששחטו אל כלי חרש על המים חיים וצריך שלא יתן מים אלא כשיעור שיהיה דם צפור ניכר בהם:

זכו'. ללכת בדרך ישרה שלא יהא הוא נואף ולא היא נואפת: שכינה ביניהם. שהרי חלק את שמו ושכנו ביניהם יו"ד באיש וה"א באשה: לא זכו אש אוכלתן. שהקב"ה מסלק את שמו מביניהם ונמצאו אש ואש: והאשה עדיפא מהאיש. אש של אשה קשה וממהרת לאכול וליפרע משל איש: מאי טעמא האי מצרף. אש של אשה מה לדלוק שאין אות של שם מפסיקתו אלא מחובר הוא ונקרא אש אבל של איש אין אותיות של אש מצורפות יחד שהיו"ד של שכינה מפסיקתן:

זיין איר קרבן אזעלכע זאכין וואס א בהמה עסט. האבען די חכמים צו איהם געזאגט דאס איז רעכט אז זיא איז רייך. האט זיא איהם געגעבין עסין גוטע שפייזין דריבער איז איר קרבן דאס עסין פון א בהמה. אבער אז זיא איז ארעם. האט זיא דאך איהם ניט געגעבין עסין גוטע שפייזין. פאר וואס זאל זיין איר קרבן דאס עסין פון א בהמה. נאר אזוי איז. ווייל זיא האט געטאהן אזוי וויא א בהמה: וואס האט ניט קיין מאן נאר ווער עס וויל איז מיט איר מזנה. דריבער זאל זיין איר קרבן דאס עסין פון א בהמה:

ד תנו רבנן. די רבנן האבען געלערנט דרייא זאכין דארף מען זייא זאלין געזעהן ווערין. די ערד פון די סוטה וואס מען שיט ארויף אויף דעם וואסער. דארף מען זעהן ערד אין די וואסער. עס זאל ניט זיין ווייניג ערד. אונ די אש פון די פרה אדומה וואס מען שיט ארויף אויף די וואסער. דארף מען זעהן אש אין די וואסער. עס זאל ניט זיין ווייניג אש. אונ די שפייאכץ וואס די יבמה שפייט אויס פאר דעם יבם. דארף זיין אזוי פיל אז מען זאל די שפייאכץ זעהן אויף די ערד. פון רבי ישמעאלס וועגין האט מען געזאגט די בלוט פון די פויגיל וואס מען גיסט אריין אין די וואסער וואס ביי א מצורע. דארף אויך זיין אזוי פיל בלוט אז מען זאל דער קענען די בלוט אין די וואסער:

ה דרש. רבי עקיבא האט גידרשת אז איש ואשה. מאן אונ ווייב ווענען זוכה צוא גיין אין גוטען וועג. זייא ווענען ניט מזנה. איז די שכינה צווישען זייא. דעם יוד פון איש בהעפט מען צום ה' פון אשה. איז דער שם י"ה. אבער אז זייא ווענען ניט זוכה נאר זייא ווענען מזנה. נעמט גאט צו זיין נאמען. בלייבט אש ביי דעם מאן אונ אש ביי דער ווייב. דריבער וועט זייא פאר ברענען א פייער. רבא זאגט דער פייער פון די אשה אז זיא איז מזנה איז שטארקער וויא דער פייער פון דעם מאן. אויב ער איז מזנה. פון וואנען ווייסין מיר. ווארום ביי די אשה שטייט דער ווארט אש נאנט. איין אות נעבין אנדערין. אבער ביי דעם איש. שטייט דאך א יוד צווישען די אותיות אש. רבא האט געזאגט פאר וואס האט די תורה געזאגט מען זאל ברייגגען ערד פאר א סוטה. אונ אריין שיטען אין די וואסער וואס מען גיט איר טרינקען: אויב זיא איז זוכה זיא האט ניט מזנה גיוועזען. וועט זיא האבען קינדער אזוי וויא אברהם אבינו וואס ער האט געזאגט ואנכי עפר ואפר. איך בין ערד אונ אש. אונ אויב זיא איז ניט זוכה. זיא האט מזנה גיוועזען. וועט זיא גיין צו איר ערד. זיא וועט שטארבין:

ו דרש רבא בשכר שאמר אברהם (שם) ואנכי עפר ואפר זכו בניו לשתי מצות לאפר פרה ולעפר סוטה והא איכא נמי עפר כיסוי הדם התם הכשר מצוה איכא הנאה ליכא. דרש רבא בשכר שאמר אברהם (שם יד) אם מחוט ועד שרוך נעל זכו בניו לשתי מצות לרצועה של תפילין ולתכלת של ציצית בשלמא רצועה של תפילין דכתיב (דברים כח) וראו כל עמי הארץ כי שם ה' נקרא עליך ויראו ממך ותניא ר"א הגדול אומר אלו תפילין שבראש אלא חוט של תכלת מאי היא דתניא היה ר"מ אומר מה נשתנה תכלת מכל הצבעונים מפני שתכלת דומה לים וים דומה לרקיע ורקיע דומה לכסא הכבוד שנאמר (שמות כד) ויראו את אלהי ישראל ותחת רגליו כמעשה לבנת הספיר וכעצם השמים לטהר וכתיב (יחזקאל א) כמראה אבן ספיר דמות כסא:

ולאפר פרה. לטהר ולזכות את ישראל ממעשה העגל: הנאה ליכא. ואין זה קבול שכר אבל כאן יש הנאה בסוטה לתת שלום ושלא ירבה ממזרות בישראל אם זונה היא ואם נקיה ונזרעה זרע ומבטלת לעז מעל בניה: בשכר אם מחוט ועד שרוך נעל. שהבריח עצמו מן הגזל: חוט של תכלת. כנגד מחוט ורצועה של תפילין כנגד שרוך דהיינו רצועה: בשלמא רצועה של תפילין. קבול שכר הוא דאיכא הנאה כדכתיב וכו': אלא חוט של תכלת. דציצית מה הנאה איכא: מה נשתנה תכלת. שהזקיקו הכתוב לציצית: שהתכלת דומה לים. בא ללמדנו שהמקיים מצות ציצית כאלו הקביל פני שכינה והכי תניא לה בספרי ואצטריכו כל הני משום דלא אשכחן קראי אלא ברקיע שדומה לכסא הכבוד הילכך תכלת דומה לים וים דומה לרקיע דתכלת לא דמי לרקיע כ"כ אלא דומה לדומה כגון תכלת קרוב למראה הים ואף קא חזינן דים קרוב למראה הרקיע: ורקיע דומה לכסא הכבוד קראי קא דרשינן דכתיב ברקיע כמעשה לבנת הספיר וכתיב בכסא הכבוד כמראה אבן ספיר דמות כסא:

מתמנאם

אינה

ו דָרַשׁ. רָבָא הָאט גִידַרְשֶׁת וַוייל אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט גְזָאגְט אִיךְ בִּין עֶרד אוּנ אַשׁ: הָאבִּין זַיינֶע קִינְדֶער זוֹכֶה גִיוֶועֶן צוּ צְווייא מִצְוֹת: צוּ דִיא אַשׁ פוּן דִיא פָּרָה אֲדוּמָה. אוּנ צוּא דִיא עֶרד פוּן דִיא סוֹטָה: פְרֶעגְט דִיא גְמָרָא עֶס אִיז דָאךְ דָא נָאךְ אַמִצְוָה מִיט עֶרד. מִיט עֶרד דֶעקְט מֶען צוּ דִיא בְּלוּט פוּן אַחַיָה אוּנ פוּן אַעוֹף אַז מֶען שֶׁעכְט זֵייא. עֶנְפֶערְט דִיא גְמָרָא דָאס אִיז נָאר אַמִצְוָה. אָבֶּער הֲנָאָה פוּן דֶער מִצְוָה אִיז נִיטָא. אָבֶער פוּן דִיא אַשׁ פוּן פָּרָה אֲדוּמָה אִיז דָא אַמִצְוָה אוּנ הֲנָאָה: מֶען וֶוערְט טָהוֹר. אוּנ דָאס אִיז מְכַפֵּר אוֹיף דִיא עֲבֵירָה פוּן עֵגֶל. אוּנ דִיא עֶרד פוּן אַסוֹטָה אִיז אוֹיךְ הֲנָאָה. אוֹיבּ זִיא הָאט נִיט מְזַנֶה גִיוֶועֶן. וֶועט זַיין שָׁלוֹם צְווִישֶׁען אִיר מִיט אִיר מַאן: אוּנ זִיא וֶועט הָאבִּין שֵׁיינֶע קִינְדֶער. רָבָא הָאט גִידַרְשֶׁת וַוייל אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט גְזָאגְט צוּם מֶלֶךְ פוּן סְדוֹם אִיךְ וִויל נִיט נֶעמֶען פוּן דִיר קֵיין פָאדִים אוּנ קֵיין שְׁנִירוּל פוּן אַשׁוּךְ. הָאבֶּען זַיינֶע קִינְדֶער זוֹכֶה גִיוֶועֶן צוּ צְווייא מִצְוֹת: צוּ דִיא רְצוּעוֹת פוּן תְּפִלִין: אוּנ צוּא תְּכֵלֶת פוּן צִיצִית: פְרֶעגְט דִיא גְמָרָא בַּייא רְצוּעוֹת פוּן תְּפִלִין אִיז דָא אַמִצְוָה אוּנ הֲנָאָה. וָוארוּם עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק אַלֶע פֶעלְקֶער פוּן דֶער וֶועלְט וֶועלִין זֶעהְן אַז דֶער נָאמֶען פוּן גָאט וֶוערְט גִירוּפִין אוֹיף דִיר וֶועלִין זֵייא מוֹרָא הָאבֶּען פַאר דִיר. אוּנ מִיר הָאבֶּען גִילֶערוּנְט רַבִּי אֱלִיעֶזֶר הַגָּדוֹל הָאט גְזָאגְט דָאס מֵיינְט מֶען זֵייא וֶועלִין זֶעהְן דִיא תְּפִלִין וָואס אוֹיף דַיין קָאפּ: נָאר פוּן דִיא תְּכֵלֶת וָואס אוֹיף דִיא צִיצִית וָואס פַאר הֲנָאָה אִיז דָא. עֶנְפֶערְט דִיא גְמָרָא מִיר הָאבֶּען גִילֶערוּנְט רַבִּי מֵאִיר פְרֶעגְט זָאגִין פַאר וָואס הָאט דִיא תּוֹרָה גִיהֵיסִין נֶעמֶען צוּ צִיצִית תְּכֵלֶת. נִיט קֵיין אַנְדֶערֶע פַארבִּין. וַוייל דֶער קָאלָאר פוּן תְּכֵלֶת אִיז גְלַייךְ צוּם יַם. אוּנ דֶער קָאלָאר פוּן יַם אִיז גְלַייךְ צוּם הִימֶעל. אוּנ דֶער קָאלָאר פוּן הִימֶעל אִיז גְלַייךְ צוּם כִּסֵא הַכָּבוֹד. וָוארוּם עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק זֵייא הָאבֶּען גִיזֶעהְן דֶעם גָאט פוּן יוּדִין אוּנ אוּנְטֶער זַיינֶע פִיס אִיז גִיוֶועֶן וַוייס אַזוֹי וִויא דֶער דִימַאנְט סַפִּיר. אוּנ אַזוֹי וִויא דִיא קְלָארְקֵייט פוּן הִימֶעל. זֶעהְן מִיר אַז דֶער קָאלָאר פוּן הִימֶעל אִיז אַזוֹי וִויא דֶער קָאלָאר פוּן שְׁטֵיין סַפִּיר. אוּנ עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק אַזוֹי וִויא דֶער קָאלָאר פוּן דֶעם שְׁטֵיין סַפִּיר אַזוֹי אִיז דֶער קָאלָאר פוּן כִּסֵא הַכָּבוֹד. זֶעהְן מִיר אַז דֶער קָאלָאר פוּן הִימֶעל אִיז אַזוֹי וִויא דֶער קָאלָאר פוּן כִּסֵא הַכָּבוֹד. אוּנ דֶער קָאלָאר פוּן תְּכֵלֶת אִיז גְלַייךְ צוּ זֵייא. דְרִיבֶּער אַז דֶער מֶענְטְשׁ גֵייט צִיצִית מִיט תְּכֵלֶת. אִיז גְלַייךְ וִויא עֶר וָואלְט גִיזֶעהְן דֶעם כִּסֵא הַכָּבוֹד: דָאס אַלֵיין דַארְף זַיין אַהֲנָאָה בַּייא אַמֶענְטְשִׁין אַז עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ זֶעהְן דֶעם קָאלָאר פוּן כִּסֵא הַכָּבוֹד:

היה נוטל פרק שלישי

(דף כ) **א משנה** אינה מספקת לשתות עד שפניה מוריקות ועיניה בולטות והיא מתמלאת גידים והם אומרים הוציאוה הוציאוה שלא תטמאה את העזרה אם יש לה זכות תולה לה יש זכות תולה שנה אחת ויש זכות תולה שלש שנים מכאן אמר בן עזאי חייב אדם ללמד את בתו תורה שאם תשתה תדע שהזכות תולה לה רבי אלעזר אומר המלמד את בתו תורה מלמדה תפלות ר' יהושע אומר רוצה אשה בקב ותפלות מתשעה קבין ופרישות. הוא היה אומר חסיד שוטה ורשע ערום ואשה פרושה ומכות פרושים הרי אלו מבלי העולם:

פירוש

שהמלאת גידין. הגידין שלה נפוחין ונראים כמלאה גידין וגם בשרה נעשית ירוקה של נפוחים והכי הוא בספרי כמין שרביטין מוורקין בה:

[שלא תטמא את העזרה. שערי נקנור או עזרת נשים שהיא דרך שם ולקמיה פריך והא אמרינן בעלמא דשערי נקנור לא נתקדשו וכ"ש עזרת נשים ומת מותר ליכנס למחנה לויה: תדע שזכות תולה. תראה ותלמד בפרשת סוטה שהזכות תולה דילפינן מונקתה ונזרעה זרע ונקתה ע"י זכיות כדי זריעת זרע ט' חדשים וי"א יותר כדמפרש בגמרא]: מלמדה תפלות. מפרש בגמ': רוצה אשה בקב ותפלות. גרסינן ובגמרא מפרש מאי קאמר: מכות פרושים. מפרש בגמ' שמכה עצמו בכתלים להראות שהוא עניו וצנוע:

במחנה לויה בהר הבית דהא עזרת נשים וגם שער נקנור לא נתקדשו בקדושת עזרה והרי הן כשאר

(ע"ב) **ב והם** אומרים הוציאוה וכו'. מאי טעמא דדילמא מתה למימר דמת אסור במחנה לויה והתניא טמא מת מותר ליכנס למחנה לויה ולא טמא מת בלבד

פרק שלישי

א משנה. אינה. איידער דיא סוטה האט געענדיגט אויס צוא טרינקען דיא וואסער. איז איר פנים געל געווארין און דיא אויגין-זענען ארויס געווארין. און דיא אדערין זענען פול און געשוואלין געווארין. און דיא מענטשין וואס זענען דארט געוועזען האבען געזאגט מען זאל איר געשווינד ארויס פירען פון דיא עזרה. זיא זאל ניט מטמא זיין דיא עזרה. ווארום מען האט מורא געהאט טאמער שטארבט זיא שוין אין דיא עזרה. אויב זיא האט א זכות פון מצות און גוטע מעשים ווארט מען איר. און זיא ווערט ניט אזוי געשווינד קראנק פון דיא מים המאררים. עס איז דא א זכות וואס מען ווארט איר א יאהר. און עס איז דא א זכות וואס מען ווארט איר דרייא יאהר. פון דאנען האט בן עזאי געזאגט א מענטש דארף לערנען זיין טאכטער תורה. אויב זיא האט מזנה געוועזען און האט געטרונקען דיא מים המאררים. און עס האט איר ניט באלד געשאט. וועט זיא וויסען אז דורך דיא מצות וואס זיא האט ווארט מען איר. רבי אלעזר זאגט דער וואס לערנט זיין טאכטער תורה. לערנט ער איר פאלשקייט. רבי יהושע זאגט א אשה וויל בעסער אזוי א מאן וואס פאר דינט ווייניג. און ער איז שטענדיג מיט איר. איידער א מאן וואס פאר דינט פיל (ניין מאהל אזוי פיל) און ער איז אפ געשיידט פון איר. ער פלעגט זאגין א חסיד וואס איז א נאר. און א קלוגער רשע. און א אשה וואס איז אפ געשיידט פון דיא פערגעניגונגם פון דער וועלט. און דיא מאנסלייט וואס זענען אפ געשיידט פון דער וועלט און ער וויל ניט קוקען אויף קיין זאך. דריבער אז ער גייט אין גאס גייט ער אראפ געבויגין דעם קאפ. ביז ער צו קלאפט זיך דעם קאפ אן א וואנט אדער אן איין אנדער זאך. דיא אלע מענטשין פאר דארבין דיא וועלט:

ב והם. און דיא מענטשין וואס זענען דארט געוועזען האבען געזאגט מען זאל דיא סוטה געשווינד ארויס פירען פון דיא עזרה. ווייל טאמער וועט זיא שטארבין. פרעגט דיא גמרא וועלין מיר זאגין אז א מת טאר ניט זיין אין דעם ארט וואס הייסט מחנה לויה ודאס איז די עזרת [נשים] וואו דיא ווייבער זענען געשטאנען). מיר האבען דאך געלערנט אז איינער איז טמא געווארין פון א מת מעג ער אריין גיין אין דיא מחנה לויה. און ניט נאר א טמא מת מעג אריין גיין אין דיא מחנה לויה. נאר מען מעג אפילו דעם מת אליין אויך אריין טראגין אין דיא מחנה

בלבד אמרו אלא אפילו מת עצמו שנאמר (שמות יג) ויקח משה את עצמות יוסף עמו עמו במחיצתו אמר אביי שמא תפרוס נדה למימרא דביעתותא מרפי אין דכתיב (אסתר ד) ותתחלחל המלכה מאד ואמר רב שפירסה נדה והא אנן תנן חרדה מסלקת דמים פחדא צמית ביעתותא מרפיא:

ג **פיסקא** יש לה זכות תולה לה וכו'. מני מתניתין [לא אבא יוסי בן חנן ולא ר' אלעזר בן יצחק איש כפר דרום ולא רבי ישמעאל] דתניא אם יש לה זכות תולה ג' חדשים כדי הכרת עובר (שנא' (במדבר ה) ונקתה ונזרעה זרע) דברי אבא יוסי בן חנן ר' אלעזר בן יצחק איש כפר דרום אומר תשעה חדשים כתיב הכא ונקתה ונזרעה זרע וכתיב התם (תהלים כב) זרע יעבדנו יסופר לה' לדור זרע הראוי לספר רבי ישמעאל אומר י"ב חודש ואע"פ שאין ראיה לדבר זכר לדבר שנאמר (דניאל ד) להן מלכא מלכי ישפר עלך וחטיך:

כשאר הר הבית: עמו במחיצתו. ובמדבר נמי היו ג' מחנות לכהנים מן הקלעים מחנה שכינה והלוים חונים סביב למשכן העדות זו מחנה לויה והדגלים ג' פרסאות זו מחנה ישראל ומשה היה לוי וקאמר עמו: שמא תפרוס נדה. אגב ביעתותא דמים האסורים יהדם והזב והזבה ובעל קרי אסורים במחנה לויה כדילפינן בפרק אלו דברים: פחדא צמית. דאגה שאינה באה פתאום אלא דואגה שמא יבואו אויבים להורגה סותמת את המקור מלהוציא דם ואפילו בשעת וסתה והא דנדה אדאגה איתמר דקתני הגיע שעת וסתה ולא בדקה טמאה מפני שאורח בזמנו בא ר"מ אומר אם היתה במחבא והגיע שעת וסתה ולא בדקה טהורה אם בדקה אחר כך ומצאה טהורה ולא אמרינן אורח בזמנו בא שחרדה מסלקת את הדמים: ביעתותא. הבאה עליה פתאום כגון זו שלא היתה חרדה עד עכשיו ופתאום היא מרגשת בצערה וכן באסתר שבאת לה שמועת מרדכי פתאום: מרפיא. את הדמים ופותח את המקור:

מני מתניתין דקתני יש זכות תולה שלש שנים: כדי הכרת עובר. דכתיב ונקתה על ידי זכות כדי ונזרעה זרע כשיעור שהעובר ניכר במעוברת: הראוי לספר. הראוי לחיות ולבא לספר שבחו של מקום: ואע"פ שאין ראיה. גמורה לדבר שזכות תולה עד י"ב חודש: זכר לדבר. לקמיה מפרש אמאי אינה ראיה: להן מלכא מלכי ישפר עלך. דניאל אמר לנ"נ כשספר לו החלום שיהא נטרד מן האנשים להיות עם בהמה וחיה: להן מלכא. אמנם המלך: מלכי ישפר עליך. עצתי תיטב עליך והאמין

לויה. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק משה האט גינומען די ביינער פון יוסף מיט זיך. אין זיין ארט וואו ער איז גיוועזן. אונ משה איז דאך גיוועזן א לוי. האט אביי גזאגט ניט מען האט מורא גיהאט טאמער וועט זיא שטארבין. נאר מען האט מורא גיהאט טאמער פון שרעק וועט זיא זעהן דם נדה. פרעגט די גמרא וועלין מיר זאגין אז שרעק מאכט שוואך דעם קוואל עס זאל ארויס גיין בלוט פון נדה. זאגט די גמרא יא עס איז אזוי. וואַרום עס שטייט אין פסוק ותתחלחל המלכה מאוד. די מלכה האט זיך דער שראקין. האט רב גזאגט זי האט גיזעהן נדה. פרעגט די גמרא מיר האבען דאך גילערנט שרעק נעמט אוועק די בלוט. ענטפערט די גמרא אז אשה שרעקט פאר אזאך וואס עס דארף אויף איר קומען. למשל די האט מורא מען וועט איר הרגנן. די זארג נעמט אוועק פון איר די בלוט. אבער אז עס קומט אויף א אשה אפלוצלונגע שרעק. ווערט גיעפונט דער קוואל אונ עס גייט ארויס פון איר דם נדה:

ג פיסקא. יש. אויב זיא האט א זכות ווארט מען איר. וויא ווער וועט זאגין די משנה. ניט וויא אבא יוסי בן חנן. אונ ניט וויא רבי אלעזר בן יצחק וואס ער וואהנט אין דארף דרום. אונ ניט וויא רבי ישמעאל. ווארום מיר האבען גילערנט אויב זיא האט א זכות ווארט מען איר דרייא חדשים. מען זאל וויסען אויב זיא איז מעוברת אדער ניין. ווארום עס שטייט אין פסוק ונקתה ונזרעה זרע. אויב זיא האט א זכות זאל זיא זיין ריין אזוי לאנג ביז מען וועט וויסען אויב זיא איז מעוברת מיט א קינד. אדער ניין. אזוי זאגט אבא יוסי בן חנן: רבי אלעזר בן יצחק פון דארף דרום זאגט ניין חדשים ווארט מען איר. ביז דאס קינד וועט גיבאהרין ווערין. ווארום דא שטייט ונקתה ונזרעה זרע. אונ דארט שטייט זרע יעבדנו יסופר לה' לדור. אזוי וויא דארט מיינט מען גיבארענע קינדער וואס וועלין לעבין אונ דער ציילין די לויב פון גאט. אזוי דא ביי די סוטה מיינט מען אויך אויב זיא האט א זכות אונ זיא איז מעוברת ווארט מען איר ביז זיא וועט גיבארין דאס קינד. דאס איז ביז ניין חדשים. רבי ישמעאל זאגט צוועלף חדשים ווארט מען איר. אפילו עס איז ניטא קיין אמתה בעווייזונג אז עס איז דא א זכות ווארט מען איר ביז צוועלף חדשים. פון דעסטוועגין א דערמאנונג צוא דער זאך איז דא. ווארום עס שטייט אין פסוק דניאל האט גזאגט צוא נבוכדנצר קעניג. מיין עצה זאל דיר גיפעלין בייגע

וחטיך בצדקה פרק ועויתך במחן ענין (דף כא) הן תהוה ארכא לשלותך וכתיב כלא מטא על נבוכדנצר מלכא וכתיב לקצת ירחין תרי עשר לעולם רבי ישמעאל היא ואשכחן קרא דאמר (דתאני ומתלית) [ותני] דכתיב (עמוס א) כה אמר ה' על שלשה פשעי אדום ועל ארבעה לא אשיבנו ומאי אע"פ שאין ראיה לדבר זכר לדבר דאיכא למיפרך דילמא שאני עכו"ם דלא מיפקד דינא עלייהו :

ד פיסקא ויש זכות תולה שלש שנים. זכות דמאי אי לימא זכות דתורה הא אינה מצווה ועושה היא אלא זכות דמצוה ומי מגנה כולי האי והתניא את זו דרש רבי מנחם ברבי יוסי (משלי ו) כי נר מצוה ותורה אור תלה הכתוב המצוה בנר ואת התורה באור לומר לך מה נר אינו מאיר אלא לפי שעה אף מצוה אינה מגינה אלא לפי שעה ומה אור מאיר לעולם אף תורה מגינה לעולם ואמר (שם) בהתהלכך תנחה אותך וגו' בהתהלכך תנחה אותך בעולם הזה בשכבך תשמור עליך

לנאמין לעניי : וחטיך בצדקה פרק. תסליק על ידי צדקה שלך : ועויתך במחן ענין. ועונותיך בחנינת עניים : הן תהוה ארכה לשלותך. הכן תהיה אורך זמן לשלותיך שלא יבא עליך הפורענות וכן עשה היה מקבץ בכל יום עניי ישראל שהביא בגולה והיו צריכין למזונות ומפרנסן אף דניאל כשהשיאו עצה זו לכך נתכוין שראה את ישראל שנפלו בגולה ומחזירין על הפתחים : וכתיב כלא מטא. כל הפורענות בא אל נבוכדנצר : לקצת ירחין תרי עשר. אלמא תלה לו זכות שנים עשר חדש : לעולם. מתניתין דקתני שלש שנים ר"י היא : ואשכחן קרא דאמר ותני שונה בשארכת זמן כלומר מקרא כתיב שהקב"ה מאריך זמן אחר זמן עד שלשה פעמים הילכך הוו להו ג' שנים : דלא מיפקד דינא עלייהו. עכו"ם אין ממהרים מן השמים לפקוד עונותיהם עליהם בעולם הזה אבל מישראל ממהרים ליפרע בעולם הזה ומדקדקין אחריהם : זכות דמאי. איזה זכות מגינה כ"כ : זכות תורה. שהיתה עוסקת בתורה : הא לא מפקדה. דכתיב ולמדתם אותם את בניכם ולא בנותיכם וכיון דאינה

זינד זאלסטו אוים לייזין מיט צדקה. אונ דיין פאר קרימונג [זאלסטו אוים לייזין] מיט מתנות צוא ארעמע לייט. וועט זיין אדער לייננגערונג צוא דיין פריד. נאך שטייט אין פסוק אלץ איז גקומען אויף דעם מלך נבוכדנצר. אין ענדע פון צוועלף חדשים. זעהן מיר אז עס איז דא אזכות װארט מען ביז צוועלף חדשים; ענטפערט דיא גמרא דיא משנה איז טאקי וויא רבי ישמעאל אז עס איז דא אזכות װא"ט מען ביז צוועלף חדשים; נאר מיר געפינען אפסוק וואס ער זאגט אז גאט װארט צוויי דריי מאהל צוועלף חדשים איז דאך דאס דריי יאהר; ווארום עס שטייט אין פסוק אזוי האט גאט גזאגט אויף דיא דריי זינד פון אדום בין איך מוחל אונ אויף פיר בין איך ניט מוחל. פרעגט דיא גמרא פר וואס זאגין מיר אפילו עס איז ניטא קיין ראיה צוא דער זאך. פון דעסטוועגין איז דא אדערמאנונג צוא דער זאך פון דניאל איז דאך אגאנץ גוטע ראיה אז עס איז דא אזכות װארט מען. ענטפערט דיא גמרא מען קען אפ פרעגין דיא ראיה. טאמער ביי אגוי איז אנדערש. וויל אגוי שטראפט מען ניט אויף דיא וועלט אזוי געשווינט אויף זיינע עבירות. דריבער אז ער האט אזכות װארט מען אים. אבער דעם יודין וואס מען שטראפט אים אויף דיא וועלט באלד געשווינט אויף זיינע עבירות קען זיין אפילו ער האט אזכות װארט מען אויך ניט :

ד פיסקא; ויש. עס איז דא אזכות וואס מען װארט איר דריי יאהר. וועלכער זכות איז אזו גרויס. זאלין מיר זאגין דער זכות וואס זיא הט גילערונט תורה. זיא איז דאך ניט גיבאטין תורה צוא לערנען. פאר וואס זאל זיין דער זכות אזוי גרויס; וועלין מיר זאגין דער זכות פון דיא מצות וואס זיא האט גיטאהן. מצות בשיצען גאר ניט אזוי שטארק אויף דעם מענטשין אים צוא היטען פון פורענות. ווארום מיר האבען גילערונט דאס האט רבי מנחם ברבי יוסי גידרשת עס שטייט אין פסוק כי נר מצוה ותורה אור; פאר וואס זאגט דער פסוק אז דיא מצוה איז אליכט אונ דיא תורה איז אליכטיגקייט. צוא זאגין אונז אזוי וויא אליכט לייכט נאר ווען זיא ברענט. אז דיא ליכט הערט אויף צוא ברענען. ווערט צוריק פינסטער; אזוי אמצוה בשיצט נאר פון יסורים ווען מען טוהט דיא מצוה אבער אז מען האט שוין דיא מצוה אפ גיטאהן; בשיצט זיא ניט מער; אונ אזוי וויא דיא ליכטיגקייט לייכט דאך אייביג; אזוי דיא תורה בשיצט אייביג אויף דעם מענטשין. סייא ווען ער לערונט. אונ סייא ווען ער לערונט ניט. נאך זאגט דער פסוק בהתהלכך תנחה

עליך זו מיתה והקיצות היא תשיחך לעוה"ב משל לאדם שהיה מהלך (בדרך) באישון לילה ואפלה ומתירא מן הקוצים ומן הברקנים ומן הפחתים ומחיה רעה ומן הלסטים ואינו יודע באיזה דרך מהיך נזדמנה לו אבוקה של אור ניצול מן הקוצים ומן הברקנים ומן הפחתים ועדיין מתיירא מחיה רעה ומן הלסטים ואינו יודע באיזה דרך מהלך כיון שעלה עמוד השחר ניצול מחיה רעה ומן ה סטים ועדיין אינו יודע באיזו דרך מהלך כיון שהגיע לפרשת דרכים ניצול מכולם ד"א עבירה מכבה מצוה ואין עבירה מכבה תורה שנאמר (שה"ש ה) מים רבים לא יוכלו לכבות את האהבה אמר רב יוסף מצוה בעידנא דעסיק בה מגנה ומצלה בעידנא דלא עסיק בה אגוני מגנה אצולי לא מצלה תורה בין בעידנא דעסיק בה בין בעידנא דלא עסיק בה מגנה ומצלה. מתקיף לה רבא אלא

מצוה אין שכרה גדול כמצוה ועושה : היא תשיחך. אלין בעדך את זכותך : פחתים. גומות : נזדמנה לו אבוקה של אור. כך זכה לקיים מצות ניצול ממקצת פורענותיו : ועדיין מתירא מחיה רעה ומליסטים. מדרכו צריך שמירה פן יפגעו בו כדכתיב תשת חשך ויהי לילה בו תרמוש כל חיתו יער : הגיע עמוד השחר. ואף כאן זכה לתורה ניצול מן החטא ומן היסורין : ועדיין אינו יודע וכו'. שמא יכפנו יצרו לבטל וישוב עליו יצר הרע ופורעניות : הגיע לפרשת דרכים. ושם הכיר את דרכו ואף כאן הגיע ליום מיתה ולא פירש מן התורה עד יום מותו ניצול מכלם והכי מפרש לה לקמיה : עבירה מכבה. שכר מצוה : ואין עבירה מכבה. שכר מי שעסק בתורה קודם לכן אלמא מצוה לא מגני כולי האי : לכבות את האהבה. זו תורה כדכתיב הביאני אל בית היין ודגלו עלי אהבה יין סוד : אמר רב יוסף. לעולם מגינה מן היסורין הרבה ומה היא מגינה דקאמר הגנה קנאה מן החטא שלא יכשילנו יצר הרע קאמר : מצוה בעידנא דעסיק בה. והיינו לפי שעה דקאמר : מגנה. מן היסורין : ומצלה. מיצר הרע שלא יכשילנו לתאוה :
בעידנא

אותך. ווען דוא וועסט גיין וועט דיך דיא תורה פירען. אויף דער וועלט. בשכבך תשמור עליך. ווען דוא וועסט ליגען אין קבר וועט דיא תורה דיך היטען. והקיצות היא תשיחך. ווען דוא וועסט אויף שטיין פון קבר צוא עולם הבא. וועט דיא תורה ריידין פון דיינעט וועגין דיך גירעכט צו מאכין ביא דעם משפט. דאס איז גליך צו אמענטש וואס גייט אין וועג אין אפינסטערע נאכט. אונ ער האט מורא פאר דערנער אונ פאר גריבער. אונ פאר שלעכטע חיות. אונ פאר גזלנים. אונ ער בלאנדזעט. ער וויים ניט אין וועלכע וועג ער זאל גיין נאזוי דער מענטש רעבט אויף דער וועלט. האט ער מורא פאר פיל צרות וואס עס קען אויף איהם קומען. האט זיך אים גיטראפין אפלאם פייער. האט ער שוין ניט מורא ניט פאר דערנער אונ ניט פאר גריבער. נאזוי אז דער מענטש האט זוכה גיוועןצו טאהן מצוה. ווערט ער אפ געהיט פון אביסל צרותו. נאר ער האט נאך מורא פאר שלעכטע חיות אונ פאר גזלנים: אונ ער וויים ניט אין וועלכע וועג ער זאל גיין. ווי דער מארגינשטערין איז אויף גיקומען האט ער שוין ניט מורא ניט פאר שלעכטע חיות אונ ניט פאר גזלנים. נאזוי אז דער מענטש האט זוכה גיוועןצו לערנען תורה. ווערט ער געהיט פון אלע צרותו. נאר ער וויים ניט אין וועלכע וועג ער זאל גיין. ווי ער איז גיקומען צו דעם ארט ווא דיא וועגין שיידין זיך. דארט שטייט בעשריבען יעדער וועג ראס הייסט עס ווייזט אים ווא הין זיא גייט. וויים ער שוין ווא צו גיין אויך. אנדערע זאגין אעבירה פארלעשט אמצוה. אבער אעבירה פארלעשט ניט דיא תורה. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק פיל וואסער קענען ניט פארלעשין דיא ליבשאפט פון דיא תורה. זעהן מיר דאך אז אמצוה בשיצט ניט אזוי שטארק. רב יוסף זאגט דער זכות פון אמצוה איז אויך גרוים צוא בשיצען אויף דיא סוטה. נאר וואס דען איז דער אונטערשייד פון אמצוה צו תורה. אמצוה ווען דער מענטש טוהט איר. בשיצט זיא אויף אים פון יסורין. אונ זיא איז אים מציל פון יצר הרע ער זאל אים ניט אן ריידין צו זינדיגען. אונ ווען ער טוהט ניט דיא מצוה: ער האט זיא שוין אפ גיטאהן. בשיצט זיא נאר אויף אים פון יסורים. אבער עס איז אים ניט מציל פון יצר הרע. דער יצר הרע קען אים מאכין זינדיגען. אבער אז מען לערנט תורה. סיי ווען מען לערנט אונ סיי ווען מען לערנט שוין ניט. ער האט שוין אפ גילערנט. בשיצט דיא תורה אויף אים פון יסורים. אונ זיא איז אים מציל פון יצר הרע. ער זאל אים ניט מאכין זינדיגען. האט רבא גיפרעגט אויב ווי מיר זאגין איצט. דואג אונ אחיתופל האבען דאך

אלא מעתה דואג ואחיתופל מי לא עסקו בתורה אמאי לא הגינה עלייהו אלא אמר רבא תורה בעידנא דעסיק בה מגנה ומצלה בעידנא דלא עסיק בה אגוני מגנא אצ׳לי לא מצלה מצוה בין בעידנא דעסיק בה בין בעידנא דלא עסיק בה אגוני מגני אצולי לא מצלה רבינא אמר לעולם זכות דתורה ודקאמרת אינה מצווה ועושה נהי דפקודי לא מפקדי באגרא דמקריין בנייהו ומתנן בנייהו ונטרן לגברייהו עד דאתו מבי רבנן מי לא מפלגי בהדייהו :

הגיע לפרשת דרכים. מאי פרשת דרכים אמר רב חסדא זה תלמיד חכם ויום המיתה רב נחמן בר יצחק אמר זה ת"ח ויראת חטא מר זוטרא אמר זה ת"ח דסלקא ליה שמעתא אליבא דהילכתא דבר אחר עבירה מכבה מצוה ואין עבירה מכבה תורה אמר רב יוסף דרשיה ר׳ מנחם בר׳ (יוסף) [יוסי] להאי קרא כסיני ואלמלא דרשוהו דואג ואחיתופל הכי לא

רדפו

עידנא דלא עסיק בה. משגמר משנתו ואינו עוסק במשנה אגוני מגנה מן הפורענות : אצולי לא מצלה מיצר הרע [ודקאמר בברייתא עבירה מכבה מצוה לאו מלהגין מן היסורין קאמר אלא מליטול שכר לעתיד]: אמאי לא הגינה עלייהו. מיצר הרע שההטיאם ועשאם רשעים גמורים כלומר אמאי לא הגינה מן העבירות : לעולם זכות דתורה. ולא שעוסקת בתורה אלא שטורחת בבניה ובבעלה שיעסקו : ודמקריין ומתניין. שטורחות על בניהן להביאן אל בית הספר לקרות מקרא ולשנות משנה : ונטרן לגברייהו. וממתינות את בעליהן שהולכין לעיר אחרת ללמוד תורה :

מאי פרשת דרכים מה הוא מדמה להגיע לפרשת דרכים דשא אבוקה היינו מצוה עמוד השחר היינו תורה אלא פרשת דרכים מאי היא : ויום המיתה. [והוא] ת"ח ביום מותו [וידע] שלא פירש לפרוק מעליו עול תורה : ויראת חטא. זכה ליראת חטא אחר שזכה לתורה ניצול מכולם שהתורה מלמדתו דברי מצוה ודברי איסור וממה הוא צריך לפרוש ויראת חטא מונעו מלרדוף אחר יצרו : דסליקא ליה שמעתא אליבא דהלכתא. וה"ק עליה עמוד השחר ניצול מן החיה וכו׳ זכה לתורה ניצול מיצר הרע ומן החטא ועדיין אינו יודע באיזה דרך מהלך אם יזכה

גילערונט תּוֹרָה. פאר וואס האט דיא תּוֹרָה ניט בּשיצט אויף זייא דער יֵצֶר הָרָע זאל זייא ניט מאכין זינדיגען. האט רָבָא גזאגט נאר אזוי איז. דיא תּוֹרָה ווען מען לערונט איר. בּשיצט זיא פון יִסוּרִים. אונ זיא איז מַצִיל פון יֵצֶר הָרָע ער זאל אים ניט מאכין זינדיגען. אונ ווען מען לערונט איר ניט. מען האט שוין אפּ גילערונט בּשיצט זיא נאר פון יִסוּרִים. אָבּער זיא איז ניט מַצִיל פון יֵצֶר הָרָע. אָבּער א מִצְוָה סיי ווען מען טוהט דיא מִצְוָה. אונ סיי ווען מען טוהט ניט דיא מִצְוָה. מען האט איר שוין אפּ גיטאהן. בּ׳. יצט דיא מִצְוָה פון יִסוּרִים. אָבּער זיא איז ניט מַצִיל פון יֵצֶר הָרָע: רַבִינָא זאגט וואס אין דער מִשְׁנָה שטייט אז זיא האט אזְכוּת וואַרט מען איר. מיינט מען אַזְכוּת פון התּוֹרָה. אונ וואס דו פרעגסט זיא איז דאך ניט גיבּאטין צו לערנען תּוֹרָה. אֶמֶת זיא איז ניט גיבּאטין צו לערנען תּוֹרָה. נאר מען מיינט ניט איר תּוֹרָה לערנען. מען מיינט דעם שָׂכָר וואס זיא ברייגט אירע קינדער אין חֶדֶר צו לערנען תנ"ך אונ צו לערנען מִשְׁנָיוֹת. אונ זיא וואַרט אויף איר מאן בּיז ער קומט פון בֵּית הַמִדְרָשׁ. אָדער בּיז ער קומט פון דער יְשִׁיבָה. נעמט זיא דען ניט אַחֵלֶק פון דער תּוֹרָה גלייך מיט איהר מאן אונ מיט אירע קינדער. אויב זיא האט אזוי אַחֵלֶק תּוֹרָה. בּשיצט דאס אויף איר בּיז דרייא יאהר:

(דף לו) **יט גמ'** מאי (יהושע ח) והחציו אמר רב כהנא כדרך שחלוקין כאן כך חלוקין באבני אפוד מיתיבי שני אבנים טובות היו לו לכ"ג על כתפיו אחת מכאן ואחת מכאן ושמות של י"ב שבטים כתוב עליהם ששה על אבן זו וששה על אבן זו שנאמר (שמות כח) ששה משמותם על האבן האחת ואת שמות הששה הנותרים

פירוש

ומלאך על ההרים: הפכו. הלוים פניהם כנגד הר גריזים ופתחו בברכה כל הארורים היו אומרים תחלה בלשון ברכה: אלו ואלו. שבהר גריזים ושבהר עיבל והא דכתיב אלה יעמדו לברך לא שהיו השבטים מברכים ומקללים אלא הלוים העומדים בין שני ההרים הופכים פניהם להר גריזים בברכה ולהר עיבל בקללה: הביאו את האבנים. כדכתיב ובנית שם מזבח וגו' וכתבת עליהן את כל דברי התורה הזאת באר היטב: ונטלו את האבנים. סתרו את המזבח לאחר שהעלו העולות והשלמים כדכתיב והעלית עליו עולות: ולנו במקומם. בבית מלונם בגלגל ושם הקימו את האבנים:

מאי והחציו. בספר יהושע הכי כתיב בהאי קרא דמתניתין וכל ישראל וזקניו וגו' חציו אל מול הר גריזים והחציו אל מול הר עיבל למה לי למיכתב והחציו דמשמע חציו המיוחד או חציו שהוכר במקום אחר: כדרך שחלוקין. השבטים בהר גריזים ובהר עיבל כדכתיב אלה יעמדו לברך את העם על הר גריזים ואלה יעמדו על הקללה בהר עיבל: כך חלוקין באבני אפוד. שאמגר

מיט ארון. געגין דיא כהנים אונ דיא לוים. דיא לוים האבען אומגיקערט זייער פנים געגין דעם בארג גריזים אונ האבען אנגיהויבין צו בענטשין דאס פאלק. גיבענשט זאל זיין דער מענטש וואס ער וועט ניט מאכין קיין בילד אונ קיין גיגאסענעם גאט וואס דאס איז אומווירדיג אונ פארמיאוסט ביי גאט דיא וואס זענען גישטאנען אויף דעם בארג גריזים אונ דיא וואס זענען גישטאנען אויף דעם בארג עיבל האבען גיענטפערט אמן. דער נאך האבען די לוים אומגיקערט זייער פנים צום בארג עיבל. אונ האבען אנגיהויבין פלוכין דאס פאלק. פארפלוכט זאל זיין דער מענטש וואס ער וועט מאכין אבילד אדער אגיגאסענעם גאט. אונ דיא וואס זענען גישטאנען אויף דעם בארג עיבל. אונ דיא וואס זענען גישטאנען אויף דעם בארג גריזים האבען גיענטפערט אמן. אונ אזוי האט מען גיטאהן ביז מען האט אפ גזאגט אלע ברכות אונ אלע קללות. דער נאך האט מען גיבראכט דיא שטיינער אונ מען האט גיבאהט דעם מזבח. אונ מען האט בשמירט דיא שטיינער מיט וואפנע. אונ אויף דיא וואפנע האט מען געשריבען אלע רייד פון דיא תורה איבער גיזעצט אויף זיבעציג שפראכין. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק באר היטב. גוט בשיידט. אונ זייא האבען גינומען דיא שטיינער אונ זענען גיקומען אונ האבען גינעכטיגט אויף זייער ארט:

יט גמרא. אין פסוק שטייט והחציו אל מול הר עיבל. אונ העלפט יודין זענען גישטאנען אויף דעם בארג עיבל פאר וואס שטייט והחציו מיט אה'. זאל שטיין וחציו. האט רב כהנא גזאגט אזוי וויא דיא יודין זענין דא צו טיילט גווארין. העלפט אויף דעם הר גריזים אונ העלפט אויף דעם הר עיבל. אזוי זענען זייא צוטיילט געווארין ביי דיא שטיינער פון אפוד. זעקס שבטים זענען גיווען געשריבען אויף איין שטיין. אונ זעקס שבטים זענען גיווען געשריבען אויף דעם אנדערין שטיין. זעקס שבטים פון איין שטיין זענען גישטאנען אויף דעם בארג גריזים אונ זעקס שבטים פון דעם אנדערין שטיין זענען גישטאנען אויף דעם בארג עיבל. דריבער שטייט והחציו מיט אה"׳ ווייל דאס מיינט מען דיא צווייא העלפטין פון אפוד. פרעגט די גמרא מיר האבען גילערונט צווייא טייערע שטיינער האט דער כהן גדול גיהאט אויף זיינע אקסלען איין שטיין אויף דעם אקסיל. אונ איין שטיין אויף דעם אקסיל. אונ דיא נעמען פון דיא צוועלף שבטים איז גיווען געשריבען אויף דיא צווייא שטיינער. זעקס נעמען אויף דעם שטיין. אונ זעקס נעמען אויף דעם אנדערין שטיין. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק זעקס פון זייערע נעמען

הנותרים על האבן השנית כתולדותם שנית כתולדותם ולא ראשונה כתולדותם מפני שיהודה מוקדם וחמשים אותיות היו כ"ה על אבן זו וכ"ה על אבן זו ר' חנינא בן גמליאל אומר (ע"ב) לא כדרך שחלוקין בחומש הפקודים חלוקין באבני אפוד אלא כדרך שחלוקין בחומש שני כיצד בני לאה כסדרן בני רחל אחד מכאן ואחד מכאן ובני שפחות באמצע ואלא מה אני מקיים כתולדותם בשמותם שקרא להם אביהם ולא בשמות שקרא להם משה ראובן ולא ראובני שמעון ולא שמעוני דן ולא דני גד ולא גדי תיובתא דרב כהנא תיובתא ואלא מאי והחציו תנא חציו של מול הר גריזים מרובה מחציו של מול הר עיבל מפני שלוי למטה אדרבה מפני שלוי למטה בצרי להו ה"ק אע"פ שלוי למטה בני

בהם ששה משמותם וגו' דהך ששה דהר גריזים כתובים על האחת וששה דהר עיבל כתובין על השנים והיינו דכתיב והחציו אותו חצי המקוק באחת מן האבנים : כתולדותם : כסדר לידתן ששה האחרונים כסדרן גד אשר יששכר זבולון יוסף בנימין זהו סדר לידתן וששה הראשונים נכתבו בה יהודה ראובן שמעון לוי דן נפתלי כסדר לידתן חוץ מיהודה : וכ"ה על אבן זו. לקמיה פריך ששה אחרונים כ"ד הוא דהוו : לא כדרך שחלוקין בחומש הפקודים. כלו' לא כדרך שסדורין בחומש הפקודים הוא ספר וידבר שנסדרו בראשו אלה שמות האנשים אשר יעמדו אתכם : בחומש שני. בתחלת ואלה שמות ראובן שמעון לוי יהודה יששכר זבולון באחת מהן ובשניה בנימין דן נפתלי גדי אשר יוסף : א"כ מה תלמוד לומר כתולדותם. הואיל ולא כדרך לידתן הם נסדרין : תיובתא דרב כהנא. דלכולי עלמא אין זה סדר הר גריזים והר עיבל דאילו סדר הר גריזים שמעון לוי ויהודה יששכר ויוסף ובנימין ובהר עיבל ראובן גד ואשר זבולון דן ונפתלי : מרובה מחציו כו'. והיינו דקאמר והחציו אל מול הר עיבל (המיומן שבאמצע) [החציו ממועט שבחציו] : מפני שלוי למטה. זקני כהונה ולויה היו עם הארון בין שני ההרים כדלקמן : ה"ק דבצרי להו. חציו של הר גריזים שהרי שבט לוי מהן היה : אלא ה"ק אע"פ שלוי למטה. אפ"ה חציו של הר גריזים מרובה מפני שיוסף עמהם

אויף איין שטיין אונ די נעמען פון די איבעריגע זעקס אויף דעם אנדערן שטיין. אזוי וויא זייא זענען געבארין געווארין. דער אנדערער שטיין איז געוועזן וויא זייא זענען געבארין געווארין. גד אשר יששכר זבולן יוסף בנימין. אבער דער ערשטער שטיין איז ניט געוועזן וויא זייא זענען געבארין געווארין. ווייל יהודה איז געשטאנען דער ערשטער: יהודה ראובן שמעון לוי דן נפתלי. אונ פופציג אותיות איז דא. פינף אונ צוואנציג אותיות אויף דעם שטיין. אונ פינף אונ צוואנציג אותיות אויף דעם אנדערן שטיין. רבי חנינא בן גמליאל זאגט ניט וויא זייא זענען צוטיילט אין ספר במדבר זענען זייא צוטיילט אויף די שטיינער פון אפוד. נאר אזוי וויא זייא זענען צו טיילט אין אנדערן חומש. אין ספר שמות. אזוי זענען זייא געוועזן צו טיילט אויף די שטיינער פון אפוד. די קינדער פון לאה כסדר. ראובן שמעון לוי יהודה יששכר זבולן. אויף איין שטיין. אונ אויף דעם אנדערן שטיין איז געשטאנען די קינדער פון רחל איינער פון דער זייט אונ איינער פון דער זייט. אונ אין מיטען זענען געשטאנען די קינדער פון די דינסטין. בנימין דן נפתלי גד אשר יוסף. נאר וואס וועלין מיר טאהן מיט דעם פסוק וואס ער זאגט כתולדותם. וויא זייא זענען געבארין געווארין. דער פסוק מיינט מען זאל שרייבין די נעמען וואס זייער פאטער האט זייא גערופין. ניט די נעמען וואס משה האט זייא גערופין. ראובן זאל מען שרייבין ניט ראובני. שמעון ניט שמעוני. דן ניט דני. גד ניט גדי. סיי וויא זעהן מיר פון באנגען אז אויף דעם אפוד איז געוועזן אנדערש געשריבען. ניט וויא זייא זענען געשטאנען אויף די בערג. ווארום אויף דעם הר גריזים איז געשטאנען שמעון לוי יהודה יששכר יוסף בנימין. אונ אויף דעם הר עיבל איז געשטאנען ראובן גד אשר זבולן דן נפתלי. איז דאך אקשיא אויף רב כהנא. איז טאקי אקשיא. פרעגט די גמרא נאר פאר וואס שטייט והחציו. מיט אה'. ענטפערט די גמרא מיר האבען גילערונט די העלפט וואס זענען געשטאנען אויף דעם הר גריזים זענען געוועזן מער וויא די העלפט וואס זענען געשטאנען אויף דעם בארג עיבל. ווייל די לוים זענען געוועזן אונטען צווישען די בערג. פרעגט די גמרא ווייל די לוים זענען געוועזן אונטען צווישען די בערג זענען דאך די מענטשין פון בארג גריזים געוועזן ווייניגער וויא די מענטשין פון בארג עיבל. ענטפערט די גמרא אזוי מיינט מען אפילו די לוים זענען דאך געוועזן אונטען צווישען די בערג. פון דעסטוועגין זענען די מענטשין פון בארג גריזים געוועזן מער וויא די מענשין פון בארג עיבל. ווייל דער שבט יוסף איז געוועזן אויף דעם בארג גריזים. אונ דער שבט יוסף

פגעם ומרובים הין: וידברו בני יוסף וגו'. היינו דקרא ולאו עם רב אמר עד כה ברכני ה': עולי עין. עולין על העין ואין העין שולט עליהם: וידגו לרוב. כך ברכן יעקב למנשה ואפרים: נגיד ואת הוא. אלבן השנית קאי: כתולדותם בעין. כשמות אשר קרא להם אביהם:
בסתר שנתיחד עם הערוה והעמיד על עצמו וכבש את יצרו: יהודה מקידש ש"ש בפרהסיא על הים כדלקמן: נקרא כלו. שם בן ד' אותיות כלול

בני יוסף עמהם שנאמר (יהושע יז) וידברו בני יוסף את יהושע לאמר מדוע נתת לי גו' וחבל אחד גו' ויאמר אליהם יהושע אם עם רב אתה עלה לך היערה אמר להם לכו והחביאו עצמכם ביערים שלא תשלוט בכם עין רעה אמרו ליה זרעיה דיוסף לא שלטא ביה עינא בישא דכתיב (בראשית מט) בן פרת יוסף בן פרת עלי עין וא"ר אבהו א"ת עלי עין אלא עולי עין. רבי יוסי בר' חנינא אמר מהכא (שם מח) וידגו לרוב בקרב הארץ מה דגים שבים מים מכסים עליהם ואין העין שולטת בהם אף זרעו של יוסף אין העין שולט בהן הני חמשין אותיות חמשין נכי חדא הויין אמר רבי יצחק הוסיפו ליוסף אות אחת שנאמר (תהלים פא) עדות ביהוסף שמו בצאתו על ארץ מצרים מתקיף לה רב נחמן בר יצחק כתולדותם בעינן אלא בכל התורה כולה בנימין כתיב הכא בנימין שלם כדכתיב (בראשית לה) ואביו קרא לו בנימין:

אמר רב חנא בר ביזנא א"ר שמעון חסידא יוסף שקידש שם שמים בסתר זכה והוסיפו לו אות אחד משמו של הקב"ה יהודה שקידש שם שמים בפרהסיא זכה ונקרא כולו

איז געווען פיל מענטשין. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק. דיא קינדער פון יוסף האבען גירעדט מיט יהושע אונ האבען גזאגט צו אים ווארום האסטו מיר גיגעבין איין חלק אונ איך בין פיל פאלק. האט יהושע צו זייא גזאגט אויב דו ביסט פיל פאלק גיי דיר אויף אין וואלד: יהושע האט צו זייא גזאגט גייט בעהאלט אייך אין דיא וועלדער. עס זאל אויף אייך ניט גיוועלטיגען קיין עין הרע: האבען זייא גזאגט צו יהושע אויף דיא קינדער פון יוסף גיוועלטיגט ניט קיין עין הרע. ווארום עס שטייט אין פסוק בן פרת יוסף בן פרת עלי עין. האט רבי אבהו גזאגט דו זאלסט ניט לייענען עלי עין. נאר זאלסט לייענען עולי עין. זייא גייען אונ גיוועלטיגען אויף דיא אויג. אבער דיא אויג גיוועלטיגט ניט אויף זייא. רבי יוסי ברבי חנינא זאגט פון דעם פסוק האבען זייא אים גיענטפערט. וידגו לרוב בקרב הארץ. זייא זאלין זיין אויף דער וועלט אזוי פיל וויא פיש. אזוי וויא דיא פיש וואס אין ים. פאר דעקט דער וואסער אויף דיא פיש אונ דיא אויג גיוועלטיגט ניט אויף זייא. מען קען זייא ניט געבין קיין עין הרע. אזוי דיא קינדער פון יוסף גיוועלטיגט ניט דיא אויג אויף זייא. מען קען זייא ניט געבין קיין עין הרע. אונ ווייל דיא העלפט פון הר עיבל איז געווען אקלענערע. דריבער שטייט והחציו. מיט אה'. אונ דיא קלענערע העלפט איז געווען אויף דעם הר עיבל. פרעגט דיא גמרא אין דיא נעמען פון דיא צוועלף שבטים איז דא פופציג אותיות. עס איז דאך נאר דא ניין אונ פערציג: רבי יצחק זאגט מען האט צוא גיגעבין צו יוסף אאות אזוי וויא עס שטייט אין פסוק עדות ביהוסף שמו בצאתו על ארץ מצרים. האט רב נחמן בר יצחק גיפרעגט מען דארף דאך שרייבין דיא נעמען וואס מען האט זייא גערופין ווען זייא זענען גיבארין גיווארין. האט מען דאך גירופין יוסף ניט יהוסף. נאר אין דיא גאנצע תורה איז געשריבען בנימן. מיט איין יו"ד. איז נאר ניין אונ פערציג אותיות. דא אויף דעם אפור איז גישטאנען בנימין מיט צווייא יודי"ן. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דער פאטער האט אים גירופין בנימין מיט צווייא יודי"ן:

אמר. רב חנא בר ביזנא האט גזאגט פון רבי שמעון חסידאס וועגין. יוסף וואס ער האט גיהייליגט דעם נאמען פון גאט אין דער שטיל. האט ער זוכה געווען מען האט אים צו גיגעבין איין אות פון דעם נאמען פון גאט. מען האט אים גירופין יהוסף. אבער יהודה וואס ער האט גיהייליגט דעם נאמען פון גאט ווען אלע יודין זענען דער ביי גיוועזן. האט ער זוכה געווען אז אין זיין נאמען איז דא דער גאנצער נאמען פון גאט; אין דעם ווארט יהודה

בולו על שמו של הב"ה יוסף מאי היא דכתיב (בראשית לט) ויהי כהיום הזה ויבא הביתה לעשות מלאכתו א"ר יוחנן שניהם לדבר עבירה נתכוונו ויבא הביתה לעשות מלאכתו רב ושמואל חד אמר לעשות מלאכתו ממש נכנס וחד אמר לעשות צרכיו נכנס (שם) ואין איש מאנשי הבית שם אפשר בית גדול כביתו של אותו רשע ולא היה בו איש תנא דבי רבי ישמעאל אותו היום יום אידם היה והלכו כולם לבית ע"ז שלהם והיא אמרה להם חולה אני אמרה אין לה יום שיוסף נזקק לה כהיום הזה (שם) לאמר שכבה עמי באותה שעה באתה דיוקנו של אביו ונראית לו בחלון א"ל יוסף עתידין אחיך שיכתבו על אבני אפוד ואתה ביניהם רצונך שימחה שמך מביניהם ותקרא רועה זונות שנאמר (משלי כט) ורועה זונות יאבד הון. מידי אביר יעקב מי גרם לו שיכתב שמו על גבי [אבני] אפוד אלא אביר יעקב משם רועה אבן ישראל משם זכה יוסף ונקרא רועה ישראל שנאמר (תהלים פ) רועה ישראל האזינה נוהג כצאן יוסף תנא ראוי היה יוסף לצאת ממנו שנים עשר. שבטים כדרך שיצאו מיעקב אביו שנאמר (בראשית לז) אלה.

כמוו של יהודה: לדבר עבירה. ואלו מלאכתו תשמיש: מלאכתו ממש. מלאכה: צרכיו. תשמיש: יאבד הון. שם טיב שהוא יקר מכל הון: מידי אבירותו של יעקב. משם זכה להיות רועה ומשם זכה להיות כאבן מאבני ישראל: רועה ישראל האזינה. כלפי שכינה נאמר: נוהג כצאן יוסף. קרי (כיס) כצאן יוסף

אין דאך דא יְהוּדָה דער נאמען פון גאט. זאגט די גמרא ווען האט יוסף געהיילגט דעם נאמען פון גאט אין דער שטיל. ווארום עס שטייט אין פסוק עס איז אמאהל געוועזן א טאג און יוסף איז געקומען אין שטוב צוא טאהן זיין ארבעט. רבי יוחנן זאגט ביידע יוסף און פוטיפרס ווייב האבען ביידע געמיינט צוא טאהן אַעֲבֵירָה. מַנָה צוא זיין, ער איז געקומען אין שטוב צוא טאהן זיין ארבעט. אין דעם קרגען רב און שמואל. איינער זאגט יוסף איז געקומען טאהן זיין ארבעט. און איינער זאגט זיין ארבעט מיינט מען ער איז געקומען מְנַוְּה זיין. אין פסוק שטייט און פון די שטוב מענטשין איז דארט קיין מענטש ניט געוועזן. פרעגט די גמרא ווי אזוי קען דאס זיין אז אזוי אגרויסע שטוב וויא ביי פוטיפר איז געוועזן. איז דארט קיינער ניט געוועזן. נאר דבי רבי ישמעאל האט געלערנט דער טאג איז געוועזן ביי די מצריים איום טוב. ווענען אלע געגאנגען אין קלוסטער און די ווייב פון פוטיפר האט געזאגט זיא איז קראנק. איז זיא ניט געגאנגען אין קלויסטער. ווארום זיא האט געטראכט עס איז ניטא קיין בעסערער טאג וואס זיא קען זיך בהעפטין מיט יוסף. ווי דער טאג איז. און זיא האט געזאגט צוא יוסף ליג מיט מיר. באלד איז געקומען דער געשטאלט פון זיין פאטער און איז געזעהן געווארין צו יוסף אין פענסטער. און ער האט געזאגט צוא יוסף. יוסף יוסף די נעמען פון דיינע ברידער וועלין אמאהל געשריבען ווערין אויף די שטיינער פון אפוד. און דוא וועסט אויך זיין צווישען זיא דוא ווילסט אז דיין נאמען זאל אפ געמעקט ווערין פון צווישען זייא. און מען זאל דיך רופען רועה זונות. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דער וואס געזעלינט זיך מיט זונות וועט פאר לירען דעם טייערין נאמען וואס דאס איז בעסער וויא אלע גוטס. וויא יוסף האט דאס געהערט פון זיין פאטער. האט ער תשובה געטאהט פון זיינע שלעכטע געדאנקען. דריבער שטייט אין פסוק מידי אביר יעקב. ווער האט דאס געטאהן אז דער נאמען פון יוסף זאל געשריבען ווערין אויף די שטיינער פון אפוד. נאר די שטארקייט פון יעקב. עס שטייט אין פסוק משם רועה אבן ישראל. פון דארטין האט זוכה געוועזן יוסף ער זאל גירופען ווערין דער פאסטוך פון די יודין. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק רועה ישראל האזינה. גאט וואס דוא פיטערסט די יודין פאר געם אונזער געבעט, נוהג כצאן יוסף. גאט פירט אונז אזוי וויא יוסף האט געפירט די יודין וואס ווענען גירופען געווארין זיינע שעפסין. אבן ישראל. און ער האט זוכה געוועזן זיין נאמען זאל זיין געשריבען אויף דעם שטיין צווישען אלע שבטים פון די יודין. מיר האבען געלערנט יוסף איז געווען ווערט פון אים זאל געבארין ווערין צוועלף שבטים אזוי וויא עס איז געבארין געווארין

במנהיגם כאלו של יוסף אלמא מקרי ישראל נאמו של יוסף וכות כרועה. אלה תולדות יעקב יוסף. תולדות ביאלו מיעקב כעדן ראוי לגאלה מיוסף: ויצאו מבנימין אחיו. אותם עשרה שפחתו מיוסף כעשר אלבנותיו: שגר באכסניות. בארץ נכרים: מפים מפורש בדברי ר' הנתומא שהיה פיו כפי יעקב אביו בהלכות שקבל משם ועבר:

איצטגניני. חכמין וחוזים בכוכבים ויודעין בחכמות המזלות: גנוני מלכות. גוונו מלכות בהכמה וגבורה ויופי: עדות ביהוסף שמו. סיפיה דקרא שפת לא ידעתי אשמע:

אלה תולדות יעקב יוסף ייצאו מבנימין אחיו וכולן נקראו על שמו של יוסף שנאמר (שם מו) ובני בנימין בלע ובכר ואשבל גרא ונעמן אחי וראש מפים וחפים וארד. בלע שנבלע בין האומות. בכר שהיה בכור לאמו. אשבל ששבו אל. גרא שגר באכסניות. ונעמן שנעים ביותר. אחי וראש אחי וראשי הוא מופים וחופים הוא לא ראה בחופתי ואני לא ראיתי בחופתו. וארד א"ד שירד לבין אוה"ע וא"ד שפניו דומין לוורד:

(פ"ג) **כא א"ר** חייא בר אבא אמר ר' יוחנן בשעה שאמר פרעה ליוסף (בראשית מא) ובלעדיך לא ירים איש את ידו ואת רגלו אמרו לו איצטגניני עבד שלקחו רבו בעשרים כסף תמשילהו עלינו אמר להון גנוני מלכות אני רואה בו אמרו לו אם כן יהא יודע בשבעים לשון (אמר להון אי הכי למחר איבדקיה בליליא) בא גבריאל ולמדו שבעים לשון לא הוה קא גמר הוסיף לו אות אחת משמו של הקב"ה ולמד שנא' (תהלים פא) עדות ביהוסף שמו בצאתו על ארץ מצרים שפת לא ידעתי אשמע לצפרא כל לישנא דאשתעי פרעה בהדיה אהדר ליה איהו לסוף הוה קא משתעי יוסף בלה"ק ולא הוה פרעה ידע מאי

פון יעקב. ווארום עס שטייט אין פסוק אלה תולדות יעקב יוסף. אזוי פיל קינדער ווי עס אי געבארן געווארן פון יעקב. האט געדארפט געבארן ווערין פון יוסף. נאר ווייל פון יוסף איז ארויס געגאנגען די זרע פון דיא צעהן פינגער. דריבער האט ער פאר לארין צעהן קינדער. אונ ער האט נאר געהאט צוויי מנשה מיט אפרים. אונ דיא צעהן קינדער וועגען געבארין געווארין פון זיין ברודער בנימין. אונ אלע צעהן קינדער זענען גירופען געווארין אויף דעם נאמען פון יוסף. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק דיא קינדער פון בנימין זענען געווען בלע בכר אשבל גרא נעמן אחי ראש מפים חפים ארד. בלע האט ער געהייסען ווייל יוסף איז איין געשלונגען געווארין צווישן דיא פעלקער. בכר. ווייל יוסף איז געוועזן אבכור ביי זיין מוטער. אשבל. ווייל גאט האט אים געפאנגען. גרא. ווייל ער האט געוואוינט אין פרעמדע הייזער. נעמן. ווייל ער איז געווען זייער זים. אחי וראש. ווייל ער איז געווען מיין ברודער אונ מיין קאפ. מופים וחופים. ער האט ניט געזעהן מיין חופה. אונ איך האב ניט געזעהן זיין חופה. וארד. אנדערע זאגין דריבער האט מען אים גירופען ארד. ווייל יוסף האט גענידערט צווישען דיא פעלקער. אונ אנדערע זאגין דריבער האט מען אים גירופען ארד דער פנים פון יוסף איז געוועזן שיין וויא א רויז:

כא אמר. רבי חייא בר אבא האט געזאגט פון רבי יוחנן וועגין ווען פרעה האט געזאגט צוא יוסף אויסער דיר זאל קיין מענטש ניט אויף הייבין קיין האנט אונ קיין פוס אונ מצרים. האבען דיא שטערין זעהר געזאגט צוא פרעה אקנעכט וואס זיין בעל הבית האט אים גיקויפט פאר צוואנציג טאלער מאכסטו אים געוועלטיגען אויף אונז. האט פרעה צוא זייא געזאגט איך זעה אויף אים צייכונס אז ער וועט זיין א מלך. האבען דיא שטערין זעהר געזאגט צוא פרעה דארף דאך יוסף קענען זיבעציג שפראכין. האט פרעה צוא זייא געזאגט מארגין וועל איך אים פרובין אויב ער קען זיבעציג שפראכין. בייא נאכט איז געקומען גבריאל צו יוסף אונ האט מיט אים געלערנט זיבעציג שפראכין. יוסף האט אבער ניט געקענט אויס לערנען דיא זיבעציג שפראכין. האט גבריאל צוא געגעבין צוא יוסף איין אות פון דעם נאמען פון גאט. האט ער שוין געקענט לערנען: אזוי וויא עס שטייט אין פסוק עדות ביהוסף שמו בצאתו על ארץ מצרים. ווען יוסף איז ארויס געגאנגען אויף דעם לאנד מצרים האט מען אים געגעבין א נאמען יהוסף. ווייל ער האט געדארפט פאר שטיין אזעלכע שפראכין וואס ער האט ניט פאר שטאנען. אין דער פריא איז געוועזן וועלכין

מאי הוה קאמר (א"ל מאי האי א"ל להה"ק) א"ל אגמרין אגמרי' ולא הוה קא גמר א"ל אשתבע לי דלא מגלית אישתבע ליה כי קאמר ליה יוסף (בראשית נ) אבי השביעני לאמר א"ל זיל איתשיל אשבועתך א"ל איתשיל נמי אדידך ואף על גב דלא ניחא ליה אמר ליה (שם) עלה וקבור את אביך כאשר השביעך:

איתשיל אשבועתך. תשאל לחכמים שיתירו לך: אושפיזכן לגבורה. בית קדשי הקדשים במי בחלקו: בכחש אפרים. שיכלו לבטוח עליו וכחשו באמונתם:

כב יהודה מאי היא דתניא היה רבי מאיר אומר בשעה שהיו ישראל עומדים על שפת הים היו שבטים מדיינים זה עם זה זה אומר אני יורד תחלה לים וזה אומר אני יורד תחלה לים קפץ (דף לז) שבטו של בנימין וירד תחלה לים שנאמר (תהלים סח) שם בנימין צעיר רודם א"ת רודם אלא רד ים והיו שרי יהודה רוגמין אותם שנאמר (שם) שרי יהודה רגמתם (שרי זבולן שרי נפתלי) לפיכך זכה בנימין הצדיק ונעשה אושפיזכן לגבורה שנאמר (דברים לג) ובין כתפיו שכן א"ל רבי יהודה לא כך היה מעשה אלא זה אומר אין אני יורד תחלה לים וזה אומר אין אני יורד תחלה לים קפץ נחשון בן עמינדב וירד לים תחלה שנאמר (הושע ב) סבבוני בכחש אפרים ובמרמה בית ישראל ויהודה

לשון פרעה האט מיט אים נישמועסט · האט אים יוסף גיענפערט · דער נאך האט יוסף גישמועסט צוא פרעה אויף לשון הקודש · האט פרעה ניט גיוואוסט וואס יוסף זאגט · האט פרעה אים גיפרעגט וואס פאר אשפראך דאס איז · האט יוסף גזאגט דאס איז לשון קודש · האט פרעה גזאגט צוא יוסף לערין מיך דיא שפראכע · האט יוסף אים גילערונט אונ ער האט זיך ניט גיקענט אויס לערנען · האט פרעה גזאגט צוא יוסף שווער מיר אז דוא וועסט ניט אויס זאגן אז איך קען ניט קיין לשון קודש · האט יוסף גישווארין · ווען יוסף האט גזאגט צוא פרעה מיין פאטער האט מיך בשווארין איך זאל אים בגראבין אין לאנד כנען · האט פרעה גזאגט צוא יוסף גייא זייא דיר מתיר דיא שבועה · האט יוסף גזאגט צוא פרעה זאל איך מיר מתיר זיין דיין שבועה אויך · אפילו פרעה האט ניט גיוואלט מען זאל בגראבין יעקב אין כנען · פון דעסטוועגין האט ער גזאגט צוא יוסף גייא אויף אין כנען אונ בגראב דיין פאטער אזוי וויא ער האט דיך בשווארין:

כב יהודה מאי היא · וואס איז גיוועזן מיט יהודה : ווען האט ער גיהייליגט דעם נאמען פון גאט · מיר האבען גילערונט רבי מאיר האט גזאגט ווען דיא יודין זענען גישטאנען ביי דעם ים · האבען דיא שבטים געקריגט איינער מיט דעם אנדערין · יעדער שבט האט גזאגט איך וועל פריער אריין גיין אין ים · האט אשפרונג גיטאהן דער שבט בנימין אונ איז אריין צום ערשטין אין ים · אזוי וויא עס שטייט אין פסוק שם בנימין צעיר רודם : דוא זאלסט ניט לייענען רודם · נאר זאלסט לייענען רד ים : בנימין דער יונגסטער שבט האט אריין גענידערט אין ים · אונ דיא גרויסע לייט פון שבט יהודה האבען אויף זייא גיווארפין מיט שטיינער · אזוי וויא עס שטייט אין פסוק שרי יהודה רגמתם · דיא שרים פון יהודה האבען גיווארפין שטיינער אין ים אויף דעם שבט בנימין · דריבער האט זוכה גיוועזן בנימין הצדיק אז ער איז גיווארין אנאכט הויז צו גאט · אז גאט וואהנט ביי אים · אויף זיין ערד איז גיוועזן גיבאוט דער קדשי קדשים · אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ובין כתפיו שכן · ער רוהט צווישען זיינע אקסלען · פון חלק בנימין איז ארויס גיגאנגען אזוי וויא אאקסיל אין חלק יהודה · אונ אויף דעם אקסיל איז גיוועזן גיבאוט דער קדשי קדשים · האט רבי יהודה גזאגט צוא רבי מאיר ניט אזוי איז גיוועזן דיא מעשה · נאר אזוי האבען דיא שבטים געקריגט · דער שבט האט גזאגט איך וויל ניט אריין גיין דער ערשטער אין ים · אונ דער שבט האט געזאגט איך וויל ניט אריין גיין דער ערשטער אין ים : האט אשפרונג גיטאהן נחשון בן עמינדב דער נשיא פון שבט יהודה אונ האט אריין גענידערט דער ערשטער

ויהודה עוד רד עם אל ועם קדושים נאמן ועליו מפורש בקבלה (תהלים כט) הושיעני אלהים כי באו מים עד נפש וגו' (שם) אל תשטפני שבולת מים ואל תבלעני מצולה ואל תאטר עלי באר פיה באותה שעה היה משה מאריך בתפלה א"ל הקב"ה ידידי טובעים בים ואתה מאריך בתפלה לפני אמר לפניו רבש"ע מה יש לי לעשות א"ל (שמות יד) דבר אל בני ישראל ויסעו ואתה הרם את מטך ונטה את ידך על הים ובקעהו וגו' לפיכך זכה יהודה לעשות ממשלה בישראל שנאמר (תהלים קיד) היתה יהודה לקדשו ישראל ממשלותיו מ"ט היתה יהודה לקדשו ישראל ממשלותיו משום דהים ראה וינוס:

פירוש

רד עם אל. ירד ליס על בכנסת בהקב"ה: ישראל ממשלותיו. דיהודה שנתקדש למה לי בהם: שכבר נאמר לוי למעלה. משה כתב נתורה אלה יעמדו לברך וגו' שמעון לוי וגו': שכבר נאמר לוי למטה. בספר יהושע וכל ישראל וזקניו עומדים מזה ומזה לארון נגד הכהנים והלוים אלמא כהנים ולוים למטה היו: הראוי לשרת. לשאת את הארון והיינו מבן ל' עד בן נ': למטה אצל הארון: אלו ואלו ישראל ולוים (זקנים ונערים):

כג תניא ר' (אלעזר) [אליעזר] בן יעקב אומר אי אפשר לומר לוי למטה שכבר נאמר לוי למעלה ואי אפשר לומר למעלה שכבר נאמר למטה הא כיצד זקני כהונה ולויה למטה והשאר למעלה רבי יאשיה אומר כל הראוי לשרת למטה והשאר למעלה רבי אומר אלו ואלו למטה עומדים הפכו פניהם כלפי הר גריזים ופתחו בברכה כלפי

אין ים. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אפרים האט מיך ארומגערינגעלט מיט ליגען. און אלע יודין האבען מיך ארומגערינגעלט מיט פאלשקייט: זייא האבען געזאגט זייא גלויבען אין מיר. און האבען ניט גיגלויבט. אבער יהודה האט אריין געגאנגען אין ים ווייל ער האט גיגלויבט גאט. און ער האט גיגלויבט די הייליגקייט פון גאט: אויף דעם שבט יהודה שטייט אין תהלים. זייא האבען גיבעטען צו גאט העלף מיר גאט ווארום די וואסער זענען שוין גיקומען ביז צו דער נשמה: דער שטרום וואסער זאל מיך ניט פארפלייצען. די טיפעניש זאל מיך ניט איינשלינגען. די גרוב זאל ניט פארשליסען איהר מויל אויף מיר. ביי דער צייט האט משה לאנג גיבעטען פאר גאט. האט גאט געזאגט צו משה מיינע פריינד טריינקען אין ים און דוא בעטעסט אזוי לאנג פאר מיר. האט משה געזאגט פאר גאט רבונו של עולם וואס זאל איך טאן. האט גאט געזאגט צו משה רייד צו די יודין זייא זאלען ציהען. און דו הייב אויף דיין שטעקען און גייב דיין האנט אויף דעם ים און שפאלט איהם. דעריבער האט זוכה געוועזען דער שבט יהודה ער זאל גיוועלטיגען אויף די יודין. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק יהודה איז געווארין זיין הייליגקייט די יודין זיין גיוועלטיגקייט. פאר וואס איז געווארין יהודה די הייליגקייט פון גאט. און ער זאל גיוועלטיגען אויף די יודין. ווייל דער ים האט געזעהן זיא דער שבט יהודה שפרינגט אריין אין איהם און איז אנטלאפען:

כג תניא. מיר האבען גילערנט רבי אליעזר בן יעקב זאגט מיר קענען ניט זאגען אז דער שבט לוי איז געשטאנען אונטען צווישען די בערג. ווארום עס שטייט אין פסוק אז דער שבט לוי זאל שטיין אויף דעם בארג. און מיר קענען ניט זאגען אז דער שבט לוי איז געשטאנען אויף דעם בארג. ווארום עס שטייט אין פסוק אז דער שבט לוי זאל שטיין אונטען צווישען די בערג. ווי אזוי איז געווען. די אלטע כהנים און די אלטע לוים זענען געשטאנען אונטען צווישען די בערג. און דער איבעריגער שבט לוי זענען געשטאנען אויף דעם בארג. רבי יאשיה זאגט די לוים וואס מענען בעדינען. וואס זייא מענען טראגען דעם ארון. וואס זענען אלט פון דרייסיג יאהר ביז פופציג. זענען געשטאנען אונטען צווישען די בערג. און די איבעריגע לוים זענען געשטאנען אויף דעם בארג. רבי זאגט אלע יודין כהנים לוים ישראלים זענען געשטאנען אונטען צווישען די בערג. און זייא האבען אומגעקערט זייער פנים געגען בארג גריזים. און האבען גיזאגט די אלע ברוך. דער נאך האבען זייא אומגעקערט זייער פנים געגען בארג עיבל און האבען געזאגט די אלע ארור. און וואס עס שטייט אין פסוק על הר גריזים על הר עיבל.

בלפי הר עיבל ופתחו בקללה והאי (דברים כז) על על בסמיך אתה אומר על בסמוך או אינו אלא על ממש כשהוא אומר (שמות מ) וסכות על הארון את הפרכת הוי אומר על בסמוך :

כד פיסקא הפכו פניהם כלפי הר גרזים ופתחו בברכה וכו'. ת"ר ברוך בכלל וברוך בפרט ארור בכלל וארור בפרט ללמוד וללמד לשמור ולעשות הרי כאן (ע"ג) ד'. ד' וד' הרי כאן ח'. ח' וח' הרי ט"ז. וכן בסיני וכן בערבות מואב שנאמר (דברים כח) אלה דברי

למסה סין דכתיב בספר יהושע : על הר גרזים ועל הר עיבל. שכתוב בתורה על בסמוך כדמפרש ואזיל : על הארון. בע"כ לאו על ממש הוא מחיצה הוי פרוכת ולא הויא הכך : ברוך בכלל ברוך בפרט. כל הברכות והקללות שאמרו בהר גרזים ובהר עיבל בכלל ופרט ברוך אשר יקים את דברי התורה הזאת ארור אשר לא יקים הרי כלל וכן כל אחת ואחת בפרט ברוך וארור. ברוך אשר לא יעשה פסל ומסכה ארור אשר יעשה פסל ומסכה וכן כולם : ללמוד וללמד לשמור ולעשות. כל המצות כולן נאמרו בארבעה אלה ולמדתם אותם ושמרתם לעשותם וכתיב ולמדתם אותם את בניכם הרי כאן ארבעה מצות לכל מצוה ועל ארבעתן נאמרו ארור וברוך בכלל ובפרט ברוך אם ילמדו ארור אם לא ילמדו וכן ללמד וכן לשמור וכן לעשות בכל אחד ד' בריתות ברית לברוך בכלל וברית לארור בכלל וברית לברוך בפרט וברית לארור בפרט : ד' וד' ח'. ד' בריתות על ללמוד וד' על ללמד הרי ח' : ח' וח'. דאיכא עוד ח' לשמור ולעשות: וכן בסיני. כשנאמרו כל המצות למשה ני כולם בארור וברוך בכלל ופרט: וכן בערבות מואב. כשאמרה לישראל כדכתיב בעבר הירדן בארץ מואב הואיל משה וגו' : שנאמר אלה דברי

מיינט מען ניט אויף דעם בארג. נאר מען מיינט נאנט צום בארג: פרעגט די גמרא דו זאגסט אז על מיינט מען נאנט. טאמער מיינט מען על אויף דעם בארג. ענפערט די גמרא אז עס שטייט אין פסוק וסכות על הארון את הפרוכת. דו זאלסט בדעקן דעם פרוכת אויף דעם ארון. איז דען געווען דער פרוכת אויף דעם ארון. דער פרוכת איז דאך געווען א וואנט. נאר גען מיינט דו זאלסט פארשטעלין מיט דעם פרוכת אזוי וויא א וואנט. נאנט פון ארון :

כד פסקא: הפכו: זייא האבען אומגיקערט זייער פנים געגען בארג גריזים אונ האבען אנגיהויבין צו זאגין ברוך. דיא רבנן האבען גילערנט זייא זאגין ברוך אויף דעם כלל תורה. גיבענשט זאל זיין דער וואס וועט מקיים זיין דיא תורה. אונ זייא זאגין ברוך אויף איינצעלנע מצות. למשל זייא זאגין גיבענשט זאל זיין דער וואס וועט ניט מאכין קיין בילדער צום דינען זייא. דער נאך זאגין זייא ארור אויף דעם כלל תורה. גיפלוכט זאל זיין דער וואס וועט ניט מקיים זיין דיא תורה. אונ זייא זאגין ארור אויף איינצעלנע עבירות: למשל זייא זאגין גיפלוכט זאל זיין דער וואס וועט מאכין א בילד צום דינען צו איהם: אונ אזוי ווייטער וויא עס שטייט אין דיא סדרה תבאו. ער זאל בענטשין דעם וואס וועט לערנען דיא מצוה: אונ דעם וואס וועט לערנען מיט אנדערע דיא מצוה: אונ דעם וואס וועט היטען דיא מצוה. אונ דעם וואס וועט טאהן דיא מצוה. איז פיר ברכות אויף יעדער מצוה. דער נאך זאל ער פלוכין פיר מאהל אויף יעדער מצוה. דעם וואס וועט ניט לערנען דיא מצוה. אונ דעם וואס וועט ניט לערנען מיט אנדערע דיא מצוה. אונ דעם וואס וועט ניט היטען דיא מצוה. אונ דעם וואס וועט ניט טאהן דיא מצוה. איז דא אויף לערנען פאר זיך פיר מאהל ברית. צוויא מאהל מיט ברוך. אויף דעם כלל איין מאהל ברוך. אונ אויף דעם פרט איין מאהל ברוך: אונ צוויא מאהל מיט ארור. אויף דעם כלל איין מאהל ארור. אונ אויף דעם פרט איין מאהל ארור. אונ אויף יעדער זאך בזונדער האט גאט כורת ברית גיוועזן. אונ אויף לערנען מיט אנדערע איז אויך אזוי דא פיר מאל ברית. צוויא מאהל מיט ברוך. איין מאהל ברוך אויף דעם כלל. אונ איין מאהל ברוך אויף דעם פרט. אונ צוויא מאהל מיט ארור. איין מאהל ארור אויף דעם כלל: אונ איין מאהל ארור אויף דעם פרט. אונ אויף היטען דיא מצוה איז אויך דא פיר מאהל ברית. צוויא מאהל מיט ברוך. אונ צוויא מאהל מיט ארור. אונ אויף טאהן דיא מצוה איז אויך דא פיר מאהל ברית. צוויא מאהל מיט ברוך. אונ צוויא מאהל מיט ארור. איז דא זעכצעהן מאהל ברית אויף יעדער מצוה. אונ אזוי איז גיוועזן אויף דעם בארג סיני. איז גיגעבין גיווארין דיא מצות מיט ברוך אונ מיט ארור. אויף דעם כלל אונ אויף דעם פרט. אונ אזוי איז גיוועזן אין ערבות מואב. איז גיגעבין גיווארין דיא מצות מיט ברוך אונ מיט ארור: אויף דעם כלל אונ אויף דעם פרט.

דברי הברית אשר צוה ה' את משה וגו' וכתיב (שם כט) ושמרתם את דברי הברית הזאת ועשיתם אותם וגו' נמצא מ"ח בריתות על כל מצוה ומצוה רבי שמעון מוציא הר גריזים והר עיבל ומכניס אהל מועד שבמדבר ובפלוגתא דהני תנאי דתניא ר' ישמעאל אומר כללות נאמרו בסיני ופרטות באהל מועד רבי עקיבא אומר כללות ופרטות נאמרו בסיני ונשנו באהל מועד ונשתלשו בערבות מואב ואין לך כל מצוה ומצוה שכתובה בתורה שלא נכרתו עליה מ"ח בריתות רבי שמעון בן יהודה איש כפר עכו אומר משום ר"ש אין לך כל מצוה ומצוה שכתובה בתורה שלא נכרתו עליה מ"ח בריתות של ת"ר אלף ושלשת אלפים וחמש מאות

דברי הברית וגו'. בתר קללות וברכות כתיב אלה דברי הברית וגו' אלמא הברית ערבות מואב בברכות וקללות בן גריס תורה ודהר גריזים ודהר עיבל לא צריך [לאתויי] קרא דעלה קאי (תנא) והכא איירי: מ"ח בריתות. לכל אחד מישראל מ"ח חלתא דעמי הוי מ"ח: מוציא הר גריזים. לפי שלא אמר יהושע אליהם כל התורה אלא מצות שבפרשה: ומכניס אוהל מועד. שלאחר שהוקם המשכן דבר הקב"ה עם משה בישוב ולמדו כל התורה כדכתיב וידבר ה' אליו מאוהל מועד לאמר: כללות נאמרו בסיני בסתם נאמרה התורה בסיני ולא נתפרשה בו (ובאהל מועד נתפרשה בו) כגון בסיני נאמר מזבח אדמה תעשה לי וזבחת עליו את עולותיך ואת שלמיך ולא פירש מתן דמים כיצד והקטרת אימורים והפשט וניתוח וכליל של עולה ובכהנים ויקרא באהל מועד פירשה: ונשתלשו בערבות מואב. מפי משה לישראל. ת"ק סבירא ליה כרבי ישמעאל הילכך הר סיני ואהל מועד הדא הוא ורבי שמעון סבירא ליה כר"ע הלכך הוי מינה: ר"ש בן יהודה אומר מ"ח בריתות. לכל אחד של ת"ר אלף ושלשת אלפים וחמש מאות וחמשים כמנין שהיו (בסיני) [במדבר] שכל אחד נעשה ערב על כל אחיו. ה"ג בתוספתא אמר רבי לדברי רבי שמעון בן יהודה אין לך כל מצוה ומצוה שלא נכרתו עליה מ"ח בריתות

ווארום עס שטייט אין פסוק דאס זענען דיא רייד פון דעם ברית וואס גאט האט געבאטין צו משה. און נאך שטייט אין פסוק איר זאלט היטען דיא רייד פון דעם ברית און איר זאלט זייא מאכען. איז געוועזן זעכצעהן בריתות אויף יעדער מצוה אויף דעם בארג סיני. און זעכצעהן בריתות אויף יעדער מצוה אין ערבות מואב. און זעכצעהן בריתות אויף יעדער מצוה אויף דעם בארג גריזים און עיבל. צו זאמען איז אכט און פערציג בריתות אויף יעדער מצוה. רבי שמעון זאגט מען זאל ניט רעכענען וואס עס איז געזאגט געווארין אויף דעם בארג גריזים און אויף דעם בארג עיבל. ווייל דארט איז ניט געזאגט געווארין אלע מצות; נאר דיא ארורים וואס שטייט אין דיא סדרה תבא. נאר מען זאל רעכענען וואס עס איז געזאגט געווארין אין אהל מועד. און דער תנא פון דער ברייתא מיט רבי שמעון קריגען אין דאס זעלבינע וואס דיא תנאים קריגען. ווארום מיר האבען גילערונט רבי ישמעאל זאגט דער כלל פון דיא מצות איז געזאגט געווארין אויף דעם בארג סיני. ולמשל ביי דעם בארג סיני איז געזאגט געווארין דו זאלסט שעכטין אויף דעם מזבח דיינע עולות און שלמים. עס שטייט אבער ניט וויא אזוי איז מען מקריב א עולה און וויא אזוי איז מען מקריב שלמים. אבער אין אהל מועד האט מען שוין געזאגט יעדער מצוה וויא אזוי זיא זאל גיטאהן ווערין. רבי עקיבא זאגט אלע מצות זענען געזאגט געווארין אויף דעם בארג סיני ריכטיג וויא זייא זאלין גיטאהן ווערין. און אין אהל מועד זענען דיא מצות איבער ניתחזרת געווארין דעם אנדערין מאהל. און אין ערבות מואב זענען דיא מצות איבער ניתחזרת געווארין דעם דריטען מאהל. דער ערשטער תנא פון דיא ברייתא האלט אזוי וויא רבי ישמעאל. אז דער בארג סיני מיט דעם אהל מועד איז איין זאך. אויף דעם בארג סיני איז געוועזן דער כלל און אין אהל מועד איז געוועזן דער פרט. דריבער רעכענט ער ניט דעם אהל מועד. און רבי שמעון האלט וויא רבי עקיבא אז דער בארג סיני איז באזונדער. און דער אהל מועד איז באזונדער. דריבער רעכענט ער דאס פאר צוויא זאכין; און עס איז ניטא קיין מצוה אין דער תורה וואס אויף איר זאל ניט זיין אכט און פערציג בריתות. רבי שמעון בן יהודה פון דארף עכו זאגט פון רבי שמעונס וועגין. עס איז ניטא קיין מצוה אין דער תורה וואס אויף איר זאל ניט זיין אכט און פערציג בריתות פון זעקס מאהל הונדערט טויזענד און דרייא טויזענד און פינף הונדערט מיט פופציג יודין. ווארום יעדער יוד איז געווארין א ערב ואנגעשטייערן אויף אלע יודין זייא זאלין מקיים זיין דיא מצות. רבי זאגט נאך רבי שמעון בן יהודה פון דארף עכו וואס ער זאגט פון רבי שמעונס וועגין עס איז ניטא קיין מצוה אין דער תורה וואר אויף איר זאל

מאות וחמשים אמר רבי לדברי רבי שמעון בן יהודה איש כפר עכו שאמר משום ר' שמעון אין לך כל מצוה ומצוה שכתובה בתורה שלא נכרתו עליה מ"ח בריתות של ת"ר אלף ושלשת אלפים והמש מאות וחמשים נמצא לכל א' מישראל ת"ר אלף ושלשת אלפים וחמש מאות וחמשים מאי בינייהו א"ר משרשיא ערבא וערבא דערבא איכא בינייהו:

כה דרש רב יהודה בר נחמני מתורגמניה דר' שמעון בן לקיש כל הפרשה כולה לא נאמרה אלא בשביל נואף ונואפת שנאמר (דברים כז) ארור האיש אשר יעשה פסל ומסכה תועבת ה' וגו' דעביד פסל ומסכה בארור סגי ליה אלא זה שבא על הערוה והוליד בן והלך לבין הנכרים ועבד ע"ז אמר הקדוש

בריתות של ת"ר אלף ושלשת אלפים ותק"נ ויש בכל אחת ואחת ת"ר אלף ושלשת אלפים ותק"נ: מאי בינייהו. מאי הוסיף רבי ובמאי פליגי: אמר רב משרשיא ערבא וערבא דערבא. אם נעשה כל אחד ערב על ערבותו של חבירו או לא רבי שמעון בן יהודה סבר לא נעשה כל אחד ערב על חבירו אלא שישמרו את המצות נמצא כל אחד ואחד ערב על מ"ח בריתות של כל אחד ואחד אבל לא נעשה [כל אחד ואחד] ערב על ערבותו של חבירו אלא על הוכחו של חבירו ואתא רבי למימר לדברי ר"ש סבא למנות את בריתות הערבות יש לו למנות מ"ח בריתות של ס' רבוא לכל א' ואחד ובכל אחד ואחד מאלה יש ס' רבוא שכולם נתערבו זה בזה על הוכחם ועל ערבותם נמצא כל אחד מקבל עליו ערבות של ס' רבוא בשביל הוכחו של חבירו ובכל אחת מס' רבוא כללו [קיבל עליו בריתות] ס' רבוא בשביל ערבות שנתערבו אחד על חבירו וזה קבל עליו את הערבות של ערבים:

כל הפרשה של הר גריזים לא נאמרה אלא בנואף ונואפת (אשת איש): בארור סגי ליה. בתמיה ספר בעיקר הוא סגיא ליה בארור · אלא זה כמו

זנ

ניט זיין אכט אונ פערציג בריתות פון זעקס מאהל הונדערט טויזענד אונ דרייא טויזענד אונ פינף הונדערט מיט פופציג, קומט אוים אז יעדער יוד האט אכט אונ פערציג מאהל זעקס מאהל הונדערט טויזענד אונ דרייא טויזענד אונ פינף הונדערט מיט פופציג בריתות. פרעגט די גמרא מיט וואס האט רבי אנדערש גזאגט פון וויא מען האט פריער גזאגט. האט רב משרשיא גזאגט דער אונטערשייד איז אין דיא ערבות. פריער זאגין מיר אז יעדער יוד האט ערב גיוועזן פאר זיין חבר ער זאל ניט עובר זיין דיא אכט אונ פערציג בריתות. האט יעדער יוד אויף זיך גינומען אכט אונ פערציג מאהל זעקס מאהל הונדערט טויזענד מיט דרייא טויזענד מיט פינף הונדערט מיט פופציג בריתות. אונ רבי האלט אז יעדער יוד האט ערב גיוועזן פאר זיין חבר ער זאל ניט עובר זיין דיא אכט אונ פערציג בריתות. אונ ער האט ערב גיוועזן פאר זיין חברס ערב אויך דריבער האט יעדער יוד אויף זיך גינומען זעקס אונ ניינציג מאהל זעקס מאהל הונדערט טויזענד מיט דרייא טויזענד מיט פינף הונדערט מיט פופציג בריתות:

כה דרש. רב יהודה בר נחמני דער מתורגמן פון רבי שמעון בן לקיש האט גידרשת: אז דיא אלע ארורים וואס שטייען אין דיא סדרה תבא שמועסט נאר פון איין עבירה. פון מזנה זיין מיט אשת איש. ווארום עס שטייט אין פסוק פאר פלוכט זאל זיין דער מענטש וואס ער וועט מאכען א בילד אונ אגינאסענעם בילד וואס דאס איז פאר מיאוסט ביי גאט. איז דאך א קשיא דער וואס מאכט בילדער ער זאל דינען צוא זייא: זיין שטראף איז נאר וואס מען פלוכט אים. ער קריגט דאך אין גאט. קומט דאך אים א גרעסערע שטראף. נאר דער פסוק מיינט ניט דעם מענטש וואס וויל דינען עבודה זרה. נאר אזוי מיינט דר פסוק אז איינער האט מזנה גיוועזן מיט א אשה וואס האט א מאן. אונ זיא הט גיבארין פון אים א זוהן. דער זוהן איז א ממזר. ער טאר ניט נעמען קיין יודישע ווייב. דריבער איז ער גיגאנגען צווישען גוים אונ האט געדינט עבודה זרה. האט גאט גזאגט פאר פלוכט זאלין זיין. זיין פאטער אונ מוטער וואס זייא האבען גיבראכט דער צוא ער זאל דינען עבודה זרה, אונ אזוי דרשת רב יהודה בר נחמני אז אלע ארורים שמועסין פון אזעלכין וואס איז מזנה מיט א אשה וואס האט א מאן. ער פר שעלט זיין פאטער אונ מוטער. אז ער איז מזנה מיט א אשת איש. פאר שעלט ער זיין פאטער אונ מוטער. אונ ער פאר רוקט דעם גרענעץ פון זיין חבר. אונ ער האט פאר פירט אויף א שלעכטין וועג די אשה וואס איז גיוועזן בלינד אין דער זאך. זיא האט ניט גיוואוסט וויא גרויס דער שטראף איז. אונ אויב א גוי מיט זיין זוהן האבען זיך מגייר גיוועזן אונ דער גר דער פאטער הט גינומען

הקדוש ב"ה ארורים אביו ואמו של זה שכך גרמו לו:

דף לח **כן תניא** אידך (במדבר ו) כה תברכו את בני ישראל בשם המפורש אתה אומר בשם המפורש או אינו אלא בכינוי ת"ל ושמו את שמי שמי המיוחד לי יכול אף בגבולין כן נאמר כאן ושמו את שמי ונאמר להלן לשום את שמי שם מה להלן בבית הבחירה אף כאן בבית הבחירה ר' יאשיה אומר אינו צריך הרי הוא אומר (שמות כ) בכל המקום אשר אזכיר את שמי אבא אליך בכל מקום ס"ד אלא מקרא זה מסורס הוא בכל מקום אשר אבא אליך וברכתיך שם

של כפרוש. א"נ והוליד ממזר ומתוך בושתו שאסור לבא בקהל ה' ואינו מולא אשה הולך בין הנכרים ועובד ע"ז: ארורים אלה אשר עשאוהו לעבוד פסל ומסכה וכן דרים את כולם כ"א לפי פשוטו אותן של עריות כגון שוכב עם חותנתו ואשת אביו ועם אחותו כולן בא"א ולמיקם בהרי ארורים שוכב עם כל בהמה א"א שעשתה מעשה בהמה שמנאפת מקלה אביו ואמו בא על אשת איש מזלזל באביו ואמו שגדלו גידולים רעים בביתם משגה עור מפתה א"א שהיא סומא בדבר ואינה יודעת עונשה כמוהו מסיג גבול רעהו בא על אשתו שהרי הסיג גבולו מכה רעהו בסתר גורם לו בלהם סהריו שהמות בבדיקת המים המרים לוקח שוחד להכות לוקח שוחד להיות עוקב אחר שמנאף ולפתות לו אשת איש וגורם לו מיתה מטה משפט גר יתום אני יודע לדורשו [א"נ אם נתגייר גר ובא ונשא הגר ישראלית וזינתה והבכורים שזהו בן הגר ואין לאחיו שנתגייר חלק בירושה אף אם החזיק בנכסי אביו הרי מטה משפט גר ויתום כפשוטו שהממזר חולק עם יתומי האב והאלמנה כה"ג ועוד דמיונות רבים כ"ן]:

בשם המיוחד. כהנים: בכ"מ ס"ד. וכי בכ"מ שם המיוחד מזכר הכתוב זה שמי וזה זכרי לא כשאני נכתב אני נקרא ועוד כל מקום שהיגה בתא ושורה דכתיב אבא אליך וכולא לא ייחד מקום להזכרת ה': מסורס. מהופך: בכ"מ אשר אבא אליך נאכן

אידישע ווייב. אונ איינער האט מיט איר מזנה גיוועזן. אונ זיא האט גיהאט אממזר. אלע מיינען אז דער זוהן איז פון גר. אונ דער גר איז גישטארבין. גיט מען אים דיא גאנצע ירושה. האט מען דאך שלעכט גיפסקנט דעם זוהן וואס ער איז אגר. ווארום אין אמת אז דער גר האט ניט קיין אנדער קינד גאר דעם וואס ער האט זיך מיט אים מגייר גיוועזן. איבער ער האט גינומען זיין פאטערס פאר מעגין. קען מען ניט אוועק נעמען פון אים: אונ אז איוד האט צווייא ווייבער מיט קינדער. אונ איין ווייב האט מזנה גיוועזן מיט אפרעמדין. אונ האט אזוהן פון דעם פרעמדין מאן. דער נאך איז איר מאן גישטארבען. אז מען גיט טיילין דיא ירושה קומט דער ממזר אויך נעמען אחלק צווישן די יתומים. ווארום מען מיינט ער איז אויך איורש. גזלת מען דאך דיא יתומים. אונ מען גזלת דיא אנדערע אלמנה. האט מען דאך פאלש גיפסקנט דעם דין פון דיא יתומים מיט דיא אלמנה. אז ער איז מזנה מיט זיין פאטערס ווייב וואס זיא איז אאשת איש. ער איז מזנה מיט אאשת איש וואס זיא טוהט אזוי וויא אבהמה. ער איז מזנה מיט זיינע אשוועסטער וואס זיא איז אאשת איש: ער איז מזנה מיט זיין שוויגער ווען זיא איז אאשת איש: אונ אז איינער איז מזנה מיט אאשת איש. אונ איר מאן האט דער זעהן וויא זייא האבען זיך פאר בארגין. אונ ער גיט איר טרינקען דיא מים המאררים. אונ זיא שטארבט. דער וואס האט איר פאר פירט אונ האט מיט איר מזנה גיוועזן. דער האט איר גיהרגט. אונ דער וואס נעמט געלט ער זאל איבער רעדין אאשת איש זיא זאל מזנה זיין מיט איינעם:

כן תניא. מיר האבען גילערנט עס שטייט אין פסוק אזוי זאלט איר בענטשין דיא יודין. מיט דעם שם המפורש זאל מען בענטשין. פרעגט דיא גמרא דוא זאגסט מיט דעם שם המפורש זאל ער בענטשין. טאמער ניין. מיט אנאמען פון גאט. וועלכין עס איז. מעג מען אויך בענטשין דיא יודין. שטייט אין פסוק ושמו את שמי. זייא זאלין טאהן מיין נאמען. דער נאמען וואס איז אפ געזונדערט נאר פאר מיר אליין. קיין בעפעניש אויף דער וועלט הייסט ניט מיט דעם נאמען. נאר איך אליין. דאס איז דער שם המפורש. איך וואלט מיינען אפילו אויסער דעם בית המקדש זאלין כהנים דוכנען מיט דעם שם המפורש. דא שטייט ושמו את שמי. אונ דארטין שטייט לשום את שמי שם. אזוי וויא דארטין מיינט מען אין בית המקדש. אזוי דא ביי דוכנען מיינט מען אויך אין בית המקדש. רבי יאשיה זאגט מען דארף גאר ניט אפ לערנען אגזרה שוה שמי שמי. ווארום עס שטייט אין פסוק אויף יעדער ארט וואס איך וועל דער מאנען מיין נאמען וועל איך קומען צוא דיר. מעג מען דען אויף יעדער ארט דער מאנען דעם שם המפורש. נאר דער

שם אזכיר את שמי והיכן אבא אליך וברכתיך בבית הבחירה שם אזכיר את שמי בבית הבחירה:

כז אמר ר' יהושע בן לוי מנין שהקב"ה מתאוה לברכת כהנים שנא' (במדבר ו) ושמו את שמי על בני ישראל ואני אברכם. ואריב"ל מנין שכל כהן שמברך מתברך ושאין מברך אין מתברך שנא' (בראשית יב) ואברכה מברכיך:

כח וא"ר יהושע בן לוי אין נותנין כוס של ברכה לברך אלא לטוב עין שנאמר (משלי כב) טוב עין הוא יבורך כי נתן מלחמו לדל אל תקרי יבורך אלא יברך. ואמר רבי יהושע בן לוי מנין שאפילו עופות (שמים) מכירין בצרי עין שנאמר (שם א) כי חנם מזורה הרשת בעיני כל בעל כנף. וא"ר יהושע בן לוי כל הנהנה מצרי עין עובר בלאו שנאמר (שם כג) אל תלחם את לחם רע עין וגו' כי כמו שער בנפשו

באהל מועד שבמדבר ובשילה ובבית עולמים: ושמו את שמי. אלה הכהנים הדבר (בהקב"ה) [בכהן] להיות ברכה זו שימת שמו על עמו ולא עשאה לצורך ישראל אלא לצורך המקום: ואברכה מברכיך. דאינו ואני אברכם אישראל קאי כר' עקיבא דאמר כאלו טרפות למדנו ברכה לישראל מפי כהנים מפי הגבורה לא למדנו כשהוא אומר ואני אברכם הוי כהנים מברכים לישראל והקב"ה מסכים עמהם:

לברך. ברכת המזון: לטוב עין. שונא בצע וגומל חסד בממונו: מכירין בצרי עין. ואין אוכלים משלהן: כי חנם מזורה הרשת. לעיל מיניה משתעי בצרי עין נארבה לדם וגו' כל הון יקר נמצא: מזורה. לשון יזורה על נוהו גפרית הם הציידים דרכם לזרות חטים ושעורים ברשתם כדי שיבואו העופות לאכול ואלו צרי עין בהם מלכדים מזונותיהם שזורין ברשתם בעיני כל בעלי כנף שאף הם מכירים בהם ואין נהנים ממזונותיהם: כי כמו שער בנפשו כן הוא. שער זה של כרנא ל' פעל הוא ונקודתו מוכח שהגיו קמ"ץ והגיו פת"ח וטעמו מלמטה כאילו זה ההולך (נודד) [מודד] והשעיר בנפשו של צר עין וכן הוא לשון

פסוק איז פאר דרייט. אזוי דארף שטיין אויף יעדער ארט וואס איך וועל קומען צוא דיר אונ וועל דיך בענטשין דארט וועל איך דער מאנען מיין נאמען. דעם שם המפורש. וואו וועל איך קומען צוא דיר דיך בענטשין. אין בית המקדש. דארט אין בית המקדש וועל איך דער מאנען מיין נאמען. דעם שם המפורש. אבער אויסער דעם בית המקדש טאר מען ניט דער מאנען דעם שם המפורש:

כז אמר. רבי יהושע בן לוי האט גזאגט פון וואנען ווייסען מיר אז גאט גלוסט צוא הערין דיא ברכה וואס דיא כהנים בענטשין דיא יודין. ווארום עס שטייט אין פסוק זיי זאלין מאכן מיין נאמען אויף דיא יודין אונ איך וועל זייא בענטשין. איז דאך דיא קשיא אז גאט אליין בענשט דיא יודין צוא וואס דארף מען דיא כהנים. נאר גאט האט ליב צוא הערין וויא דיא כהנים בענטשין דאס פאלק. נאך האט רבי יהושע בן לוי גזאגט פון וואנען ווייסען מיר אז דער כהן וואס בענשט דיא יודין ווערט ער גיבענשט. אונ דער כהן וואס בענשט ניט די יודין ווערט ער ניט גיבענשט. ווארום עס שטייט אין פסוק גאט האט גזאגט איך וועל בענטשין די וואס וועלין דיך בענטשין:

כח ואמר. נאך האט רבי יהושע בן לוי גזאגט מען זאל ניט געבין אכוס ויין צום בענטשין נאר צוא אזוי אמענטשין וואס ער איז גוט. ער גיט צדקה אונ טוהט גמלות חסדים מיט זיין געלט. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק טוב עין הוא יבורך כי נתן מלחמו לדל. זאלסט ניט לייענען יבורך. ער זאל ווערין גיבענשט. נאר זאלסט לייענען יברך. ער זאל בענטשין. ווייל ער האט גיגעבין פון זיין ברויט צום ארעם מאן. נאך האט רבי יהושע בן לוי גזאגט פון וואנען ווייסען מיר אז אפילו עופות דער קענען וועלכער מענטש איז קארג אונ זייא עסין ניט זיינע קערנער. ווארום עס שטייט אין פסוק אומזיסט איז פאר שפרייט דיא קערנער פון דעם קארגען אין דיא נעץ. ווארום יעדער עוף וואס האט פליגעל דער קענט מיט דיא אויגען דיא קערנער פון דעם קארגען. אונ ער וויל ניט אריין גיין אין דיא נעץ זייא עסין. נאך האט רבי יהושע בן לוי גזאגט דער וואס האט הנאה פון אקארגין מענטשין. איז ער עובר אויף אלאו: ווארום עס שטייט אין פסוק דוא זאלסט ניט עסין דיא ברויט פון אקארגין מענטש. ווארום דער קארגער האט פריער ברעכונט וויא פיל דער מענטש וועט אויף עסין. אונ וויא לאנג ער וועט עסין. רב נחמן בר יצחק זאגט ער איז עובר אויף צווייא לאוין. ווארום עס שטייט אין פסוק

בנפשו כן הוא [וגו'] רב נחמן בר יצחק אמר עובר בשני לאוין שנאמר (שם) אל תלחם ואל תתאו. וא"ר יהושע בן לוי אין עגלה ערופה באה אלא בשביל צרי העין שנאמר (דברים כא) וענו ואמרו ידינו לא שפכו את הדם הזה ועינינו לא ראו וכי על לבנו עלתה שזקני בית דין שופכי דמים הם אלא לא בא לידינו ופטרנוהו ולא ראינוהו והנחנוהו לא בא לידינו ופטרנוהו בלא מזונות ולא ראינוהו והנחנוהו בלא לויה:

(דף לט) **כת אמר** רבא בר רב הונא כיון שנפתח ס"ת אסור לספר אפילו בדבר הלכה שנאמר (נחמיה ח) וכפתחו עמדו ואין עמידה אלא שתיקה שנאמר (איוב לב) והוחלתי כי לא ידברו כי עמדו לא ענו עוד ר"ז אמר ר"ח מהכא (נחמיה ח) ואזני כל העם אל ספר התורה:

כתלמיד המוערים ומנחם בן סרוק פירשו לשון סיעור תמיד טוח מצער בנפשו כמה יאכל זה ועד מתי: ופטרנוהו בלא מזונות כלומר למזונות הוצרך ולא היה לו ורואה אחד משלא מזונות ובא לתוספת ממנו כאונס דעתום ובא זה עליו והרגו: בלא לויה. חבורה שילך עמהם:

וכפתחו. וכשפתחו לעזרא כתיב: עמדו. שתקו: במה הארכת ימים. איזה זכות בידך (עיקר) בהארכת כה ימים: קפנדריא. לקצר דרכו דרך בהכ"נ שנכנס בפתח זה ולצאת כנגדו ולשון קפנדריא מפרש בגרכות אדמסיפנא דרי איעול בהא עד דאקיף סביב השורות שלנו אכנס בזה ואקצר את דרכי. דרי שורות בתים: ולא פסעתי על ראשי עם קודש. בשון התלמידים יושבין בבהמ"ד ע"ג קרקע והמהלך

ש שאלו תלמידיו את ר' אלעזר בן שמוע במה הארכת ימים אמר להם מימי לא עשיתי קפנדריא בבית הכנסת ולא פסעתי על ראשי עם קודש ולא נשאתי כפי בלא ברכה

אל תלחם ואל תתאו. דוא זאלסט ניט עסן קיין ברויט מיט דעם קארגין. אונ דוא זאלסט ניט גלוסטין צוא זיינע גוטע שפייז. נאך האט רבי יהושע בן לוי גזאגט אעגלה ערופה ברייננט מען נאר דורך דיא קארגע מענטשין. ווארום עס שטייט אין פסוק זייא זאלין שרייען אונ זאלין זאגין אונזערע הענט האבען ניט פאר גאסען דיא בלוט אונ אונזערע אויגין האבען ניט געזעהן. איז דאך אקשיא איז דען איז אויף געגאנגען אויף אונזער הארץ צוא זאגין אז דיא אלטע לייט פון בית דין וועלין פאר גיסען בלוט. נאר אזוי מיינען זייא דער מענטש איז ניט געקומען פאר אונז. מיר זאלין אים אוועק שיקען. מיר האבען אים ניט געזעהן מיר זאלין אים אוועק לאזין. ער איז ניט געקומען צוא אונז מיר זאלין אים אוועק שיקען אן עסין. מיר זאלין זאגין ער איז געוועזן הונגעריג דאס ער געזעהן אין וועג איינער גייט אונ האט עסין. האט ער געוואלט דאס עסין אוועק נעמען פון יענעם. האט יענער אים גידהרגת. אונ מיר האבען אים ניט געזעהן מיר זאלין אים אוועק לאזין אן אבעלייטונג פון פיל מענטשין צו זאמען. וועהן מיר אז עס קען אמאהל זיין. איינער איז הונגעריג אונ בעט ביי אקארגין מענטש ער זאל אים געבין עפעס עסין. אונ דער קארגער וויל ניט געבין. דער פון קומט מען צוא אנישלעג ביז איינער זאל הרגנען דעם אנדערין:

כת אמר. רבא בר רב הונא האט גזאגט ווייא דיא ספר תורה ווערט גיעפינט צום לייענען אין איר. טאר מען ניט שמועסין אפילו צוא פסקנען אדין. ווארום עס שטייט אין פסוק וכפתחו עמדו. אז מען האט גיעפונט דיא ספר תורה. עמדו. האבען זייא געשוויגען. עמידה איז דער טייטש שווייגין. ווארום עס שטייט אין פסוק והוחלתי כי לא ידברו. איך האב גיהאפט זייא וועלין ניט ריידין. כי עמדו לא ענו עוד ווארום זייא האבען געשוויגען אונ האבען ניט גיענפערט. רבי זירא זאגט פון רב חסדאם ווענין פון דעם פסוק. די אויערין פון גאנצען פאלק איז געוועזן צו דיא ספר תורה. מען זאל הערין וואס מען לייענט:

ש שאלו. דיא תלמידים האבען גיפרעגט ביא רבי אלעזר בן שמוע מיט וועלכין זכות לעבסטו לאנג. האט רב אלעזר צוא זייא גזאגט איך האב קיין מאהל ניט גימאכט דיא שול פאר אדורך גאנג. אז אין אשוהל איז געוועזן צוויא טירען. איין טיר האט זיך גיעפינט אין איין גאס. אונ די אנדערע טיר האט זיך גיעפנט אין איין אנדער גאס. אונ איך האב טאקי גידארפט גיין פון איין גאס אין דיא אנדערע גאס. בין איך ניט גיגאנגען דורך דיא שוהל אפ צו קירצען דיא וועג. נאר איך בין גיגאנגען ארום דיא שוהל. אונ איך האב ניט גיטרעטין אויף די קעפ

ברכה מא מברך אמר ר' זירא אמר רב הסדא אשר קדשנו בקדושתו של אהרן וכו' כי עקר כרעיה (למיסק) מאי אמר יר"מ ה' אלהינו וכו':

(ע"ב) **לא אמר** רבא בר אהינא אסברא לי (דברים יג) אחרי ה' אלהיכם תלכו בזמן שהכהנים מברכים את העם מה הן אומרים א"ר זירא א"ר חסדא (תהלים קג) ברכו ה' מלאכיו גבורי כח וגו' ברכו ה' כל צבאיו משרתיו עושי רצונו ברכו ה' כל מעשיו בכל מקומות ממשלתו ברכי נפשי את ה'. במוספי דשבתא מה הן אומרים א"ר אסי (שם קלד) שיר המעלות הנה ברכו את ה' כל עבדי ה' וגו' שאו ידכם קדש וברכו את ה' (שם קלה) ברוך ה' מציון שוכן ירושלים הללויה ולימרו נמי יברכך ה' מציון דכתיב בההוא ענינא אמר יהודה בריה דר"ש בן פזי מתוך שהתחיל בברכותיו של הקב"ה מסיים בברכותיו של הקב"ה במנהתא דתעניתא מאי אמרי אמר רב אהא בר יעקב (ירמיה יד) אם עונינו ענו בנו ה' עשה למען שמך מקוה ישראל מושיעו בעת צרה למה תהיה כגר בארץ וגו' למה תהיה כאיש נדהם כגבור לא יוכל להושיע וגו' (דף מ) בנעילה דיומא דכפורא מאי אומר אמר מר זוטרא ואמרי לה במתניתא תנא (תהלים קכח) הנה כי כן יבורך גבר ירא ה' יברכך ה' מציון וראה בטוב ירושלים כל ימי חייך וראה בנים לבניך שלום על ישראל:

בינייהם כשהם יושבין ונכנס לישב במקומו מרחיק פסיעה על כרחו והוא לשון מפסיע ונראה כמפסיע על ראשיהם ולפיכך צריך להקדים או ישב לו מבחוץ: ולא נשאתי כפי לברך. שמא יש: וכי עקר כרעיה. בעבודה למיסק והוא מחזיר פניו כלפי תיבה מאי אמר: בר אהינא הסברא לי (בר אהינא) חכם ששמו בר אהינא הסבירה לי האי טעמו של דבר: העם מה הם אומרים. כשהן מברכים פנים ומודים לפניו על ברכותיו שבשלשה שהן נוהגין: ברכו ה' מלאכיו ברכו ה' כל צבאיו ברכו ה' כל מעשיו. שלש מקראות הן כנגד ג' ברכות: במוספי דשבתא. שהיא נשיאות כפים [אדם] שאינו כהן צריך להדם את דברי העם: ברוך ה' מציון. אינו באותו מזמור והיינו דקא פריך ולימא יברכך ה' מציון דכתיב בההוא עניינא: במנחתא דתעניתא, שנושאין בו כפים מה שאין כן בשאר מנחות משום שכרות כדאמרינן במסכת תענית בפרק בתרא:
אמורים

פון דיא היילינע פאלק. דאס מיינט מען אז דיא תלמידים זענען געזעסין אין בית המדרש אויף דער ערד. בין איך קיין מאהל ניט גענאנגען צווישען דיא תלמידים. ווארום עס וואלט אויס ווען ווי איך וואלט געטרעטין אויף זייערע קעפ. אונ איך האב ניט געדוכנת אן אברכה. וואס איז דיא ברכה. האט רבי זירא געזאגט פון רב חסדאס וועגין אשר קדשנו בקדושתו של אהרן. ווען דער כהן גייט פון זיין ארט צום ארון קודש צום דוכנן. וואס זאגט ער. יהי רצון. אזוי ווי עס שטייט אין סדור:

לא אמר. רבא האט געזאגט בר אהינא האט מיר געגעבין צו פר שטיין. עס שטייט אין פסוק אחרי ה' אלהיכם תלכו. איר זאלט גיין נאך גאט. דאס מיינט מען ווען דיא כהנים בענטשין דאס פאלק. וואס זאגט דאס פאלק האט רבי זירא געזאגט פון רב חסדאס וועגין. זיי זאגין דיא פסוקים ברכו ה' מלאכיו גבורי כח. ברכו ה' כל צבאיו משרתיו עושי רצונו. ברכו ה' כל מעשיו בכל מקומות ממשלתו ברכי נפשי את ה'. ווען מען דוכנת שבת צו מוסף. וואס זאגט דאס פאלק. רבי אסי זאגט דאס פאלק זאגט דיא פסוקים שיר המעלות הנה ברכו את ה' כל עבדי ה' (אונ ווייטער). שאו ידיכם קודש וברכו את ה'. ברוך ה' מציון שוכן ירושלים הללויה. פרעגט דיא גמרא זאלין זיי זאגין יברכך ה' מציון. וויל דער פסוק שטייט ביי דער זאך נעבין דיא פריערדיגע פסוקים. אבער ברוך ה' מציון שטייט גאר ניט נעבין דיא פסוקים. האט יהודה דער זוהן פון רבי שמעון בן פזי געזאגט וויל ער האט שוין אן גיהויבען צו זאגין דיא ברכות פון גאט. ברכו את ה': לאזט ער אויס אויך מיט דיא ברכות פון גאט. ברוך ה': אין אתענית צו מנחה ווען דיא כהנים דוכנן. וואס זאגט דאס פאלק. רבי אחא בר יעקב זאגט זיי זאגין די פסוקים: אם עונינו ענו בנו ה' עשה למען שמך. מקוה ישראל מושיעו בעת צרה למה תהיה כגר בארץ (אונ ווייטער) למה תהיה כאיש נדהם כגבור לא יוכל להושיע (אונ ווייטער). אונ יום כפור צו נעילה ווען מען דוכנת וואס זאגט דאס פאלק מר זוטרא זאגט אונ אנדערע זאגין אין אברייתא האבען מיר געלערנט. דיא פסוקים זאגט מען הנה כי כן יבורך גבר ירא ה' יברכך ה' מציון וראה בטוב ירושלים כל ימי חייך וראה בנים לבניך שלום על ישראל:

אמוריה. המתורגמן לרבים מה שהוא לוחש לו בשעת הדרשה: לא צריך לדידן. אתה הוא כמו כולך: יקרא דמלכותא. שהיה רבי אבהו נשוא פנים בבית המלך כדאמרינן בחגיגה נשוא פנים כגון רבי אבהו בי קיסר ובסנהדרין אמרו דהוו נפקי אמהתא דבי קיסר לאפיה ומשרן קמיה רבא דעמיה מדברנא דאומתיה: והא רבנן אימנו עליה. ועוד זה מענותנותו: נפישי עליה בעלי חובות. שהיה צריך ללוות: א"ר אבהו אית לכו רבה. חכם גדול ראוי לישב בראש יותר ממני כדי שיושיבוהו בראש ונותנין לו מתנות ומעשרים אותו כדי שיהא העשיר ישמעו דבריו כדתניא והכהן הגדול מאחיו גדלהו משל אחיו:

ה"ג ר' אבהו דרש באגדתא: שמעתא. הלכות דינין ואיסור והיתר: סדקית. כלי

לב אמר רבי אבהו מריש הוה אמינא ענוותנא אנא כיון דחזיתיה לר' אבא דמן עכו דאיהו אמר חדא טעמא ואמר אמוריה חד טעמא ולא קפיד אמינא לאו ענוותנא אנא מאי ענותנותיה דר' אבהו דאמרה לה דביתהו דאמוריה דר' אבהו לדביתהו דרבי אבהו האי דידן לא צריך ליה להאי דידך והא דנחין וזקיף עליה יקרא דמלכותא הוא דעבד ליה אזלת דביתהו אמרה ליה לר' אבהו אמר לה ומאי לך מינה מיני ומיניה יתקלס עילאה ותו אימנו רבנן עליה דר' אבהו למנוייה בריש מתיבתא חזייה לדבי אבא דמן עכו (דתפסי) [דנפישי] ליה בעלי חובות אמר להו אית לכו רבה (ס"א אמר להו עד דמצלנא ליה לרבי אבא לא אתא עד דאציל ליה):

לג רבי אבהו ורבי חייא בר אבא איקלעו לההוא אתרא ר' חייא בר אבא דריש שמעתא ור' אבהו דריש אגדתא שבקי כ"ע לר' חייא בר אבא ואתו לקמיה דר' אבהו חלש דעתיה אמר להם רבי אבהו אמשול לכם משל למה הדבר דומה לשני בני אדם שנכנסו לעיר אחת אחד מוכר מיני אבנים טובות ומרגליות ואחד מוכר מיני סדקית על מי קופצים לא על מי שמוכר מיני סדקית כל יומא ויומא הוה אזיל ר'

לב אמר. רבי אבהו האט גזאגט אין אנהייב האב איך גימיינט אז איך בין אעני: וויא איך האב גיזעהן רבי אבא פון עכו ער האט גזאגט איין טעם אויף א דין. אונ זיין אמורא האט גזאגט איין אנדער טעם אויף דעם דין: אונ רבי אבא איז ניט אין כעס גיוועזען אויף דעם אמורא. האב איך גזאגט איך בין שוין ניט קיין ענו. נאר רבי אבא איז אענו. וואס איז גיוועזען דיא ענוות פון רבי אבהו. ווארום פארצייטין איז גיוועזען אמנהג אז אחכם האט גזאגט אדרשה: איז נעבין אים גישטאנען אמענטש. דער חכם האט גזאגט אדין אדער אנדערע טליכע ווערטער צוא דעם מענטש אויף לשון קדש. אונ אין דער שטיל. אונ דער מענטש פלעגט איבער זאגין וואס מען האט אים גזאגט אין דער הייך אלע זאלין הערין אונ זאלין פארשטיין. דער מענטש האט גיהייסין אמורא אדער מתורגמן: האט אמאהל גיטראפין אז דיא ווייב פון דעם אמורא וואס איז גישטאנען נעבין רבי אבהו. האט גזאגט צו דיא ווייב פון רבי אבהו. מיין מאן דארף ניט זיין אמורא ביי דיין מאן. ער קען אליין אויך זאגין אזוי אדרשה וויא דיין מאן. נאר וואס ער שטייט איינגיבויגין נעבין דיין מאן. ער טוהט אים כבוד ווייל ער איז גרויס ביי דעם קיסר. איז גיגאנגען דיא ווייב אונ האט דאס גזאגט פאר רבי אבהו. האט רבי אבהו צו איר גזאגט וואס הארט דיך דאס. פון מיר אונ פון אים ווערט גילויבט גאט. נאך האט גיטראפין דיא רבנן האבען גיוואלט מאכין רבי אבהו פאר אראש ישיבה האט רבי אבהו גיזעהן אז רבי אבא פון עכו האט פיל בעלי חובות. ער איז שולדיג פיל געלט. האט רבי אבהו גזאגט איר האט אגרעסערין פון מיר. רבי אבא פון עכו איז גרעסער פון מיר. מאכט אים פאר אראש ישיבה. ווארום דעם ראש ישיבה פלעגט מען רייך מאכין:

לג רבי אבהו אונ רבי חייא בר אבא האבען זיך גיטראפין אויף אארט. רבי חייא בר אבא האט גידרשת אין איין בית המדרש דינים. אונ רבי אבהו האט גידרשת אין אנדערין בית המדרש אגדתא דרשות: זיינען אלע אוועק גיגאנגען פון רבי חייא בר אבא, אונ זענען גיקומען פאר רבי אבהו. איז רבי חייא ביי זיך אראפ גיפאלין. האט רבי אבהו צו זייא גזאגט איך וועל אייך זאגין אמשל צוא וואס דיא זאך איז גלייך. צוויא מענטשין זענען אריין גיגאנגען אין אשטאט. איינער האט גיהאט צוא פאר קויפין דימאנטען אונ פעריל. אונ איינער

ר' חייא בר אבא ומלוית בהדי רבי אבהו עד בבא דאושפיזיה משום יקרא דבי קיסר ההוא יומא אלויה רבי אבהו לר' חייא בר אבא עד אושפיזיה ואפ"ה לא איתותב דעתיה מיניה:

לד אמר רבי יצחק לעולם תהא אימת צבור עליך שהרי כהנים פניהם כלפי העם ואחוריהם כלפי שכינה רב נחמן אמר מהכא (ד"ה א כח) ויקם המלך דוד על רגליו ויאמר שמעוני אחי ועמי אם אחי למה עמי ואם עמי למה אחי א"ר אלעזר כך אמר להם דוד לישראל אם אתם שומעים לי אחי אתם ואם לאו עמי אתם ואני רודה אתכם במקל:

מלאכת הנסים ועניים כגון פלכין ומתנין וגורות לא על מוכר סדקים. בתמיה מתוך פדמיכן קלים יש להם קונים הרבה ולהפים דעתו היה אומר כן שמעוני אחי ועמי. היה מזהירם להתנהג לגבק הכים לגבין כהמ"ק: אם אתם שומעים לי. להיות שלמים למקום: אחי. ותכירי אתם אלמלא המלך אימת צבור עליו אם כהרים הם: עמי אתם. כבושין תחתי:
קומו וברכו וגו'. בספר עזרא כתיב שכל ברכות במקדש כך היו מברכין ברוך ה' אלהי ישראל מן העולם ועד העולם למגן אברהם וכן למחיה מתים: ויברכו שם כבודך. ואחר העם יענו ברוך

(פ"ג) **לה תנו** רבנן מנין שאין עונין אמן במקדש שנאמר (נחמיה ט) קומו וברכו את ה' אלהיכם מן העולם ועד העולם וכנין שעל כל ברכה תהלה שנא' (שם) ומרומם על כל ברכה ותהלה על כל ברכה וברכה תן לו תהלה:

פרשת

דאס גיהאט צו פאר קויפן קליינע קייטין. צוא וועמען קומען מער קויפערס. געווים צוא דעם וואס פארקויפט קליינעקייטין. ווארום דאס דארפין אלע האבען. אבער דימאנטען אונ פעריל דארף דאך ניט יעדער. בייא אונז איז אויך אזוי. רבי חייא'ס דרשה איז דימאנטין אונ פעריל. דריבער איז בייא זיין דרשה ווייניג מענטשין. אונ מיין דרשה איז קלייניקייטין דריבער איז בייא מיין דרשה דא פיל מענטשין. אלע טאג פלעגט רבי חייא בגלייטען רבי אבהו ביז צו דיא טיר פון זיין נאסט הויז. ווייל ער איז גיוועזען גרויס בייא דעם קיסר. דעם טאג האט רבי אבהו באגלייט רבי חייא ביז צו זיין נאסט הויז. פון דעסטוועגן איז נאך רבי חייא גיוועזען ברוגז:

לד אמר. רבי יצחק האט גזאגט אייביג זאל זיין דיא מורא דעם צבור אויף דיר. ווארום דיא כהנים ווען זייא דוכנען שטייען זייא מיט זייער פנים צום פאלק אונ מיט דעם אינטען צו דיא שכינה צום ארון הקדש. רב נחמן זאגט פון דעם פסוק דער מלך דוד האט זיך גשטעלט אויף זיינע פיס אונ האט גזאגט הערט מיך צו מיינע ברידער אונ מיין פאלק. פאר וואס האט דוד זייא גירופען ברידער אונ פאלק. אז ער רופט זייא מיינע ברידער דארף ער זייא ניט רופען מיין פאלק. ווארום פאלק איז דאך נידעריגער וויא ברידער. אונ אויב ער האט זייא נאר גיהאלטען פאר אפאלק ווארום האט ער זייא גירופען ברידער. האט רבי אלעזר גזאגט אזוי האט דוד גזאגט צוא דיא יודען. אויב איר וועט מיך פאלגין אונ איר וועט געבין נדבות אויף דעם בית המקדש זענט איר מיינע ברידער. אונ אויב איר וועט מיך ניט הערין. זענט איר מיין פאלק אונ איך וועל אויך גיוועלטיגען מיט אשטעקין. זעהן מיר ווען דיא יודין זענען פרום. זענען זייא דיא ברידער פון מלך. אונ אויף זייא איז ניטא קיין מורא פון מלך ווארום אברודער ווארפט ניט קיין מורא אויף דיא איבעריגע ברידער:

לה תנו רבנן. דיא רבנן האבען גילערנט פון וואנען ווייסין מיר אז מען ענפערט ניט אמן אין בית המקדש. ווארום עס שטייט אין פסוק קומו וברכו את ה' אלהיכם מן העולם ועד העולם. אונ פון וואנען ווייסין מיר אז אויף יעדער ברכה האט מען גילויבט גאט. ווארום עס שטייט אין פסוק ומרומם על כל ברכה ותהלה. אויף יעדער ברכה זאלסטו געבין אלויב. נצוא יעדער ברכה וואס מען האט גזאגט אין בית המקדש האט מען אויסגילאזט אזוי. ברוך ה' אלהי ישראל מן העולם ועד העולם מגן אברהם. אונ אזוי מחיה המתים. אונ אזוי אלע ברכות. אונ אמן האט מען ניט גיענפערט. נאר מען האט גזאגט ברוך שם כבוד מלכותו לעולם ועד:

(דף מא) **לו משנה** פרשת המלך כיצד מוצאי יום טוב הראשון של חג בשמיני במוצאי שביעית עושין לו בימה של עץ בעזרה ויושב עליה שנאמר (דברים לא) מקץ שבע שנים במועד שנת השמטה בחג הסכות וגו' חזן הכנסת נוטל ספר תורה ונותנו לראש הכנסת וראש הכנסת נותנו לסגן והסגן נותנו לכהן גדול וכהן גדול נותנו למלך והמלך עמד ומקבל ויושב וקורא. אגריפס המלך עמד וקבל וקרא עומד ושבחוהו חכמים וכשהגיע אצל (שם) לא תוכל לתת עליך איש נכרי אשר לא אחיך הוא זלגו עיניו דמעות אמרו לו לא תתיירא אגריפס המלך אחינו אתה אחינו אתה וקורא מתחלת אלה הדברים. [גמ' בשמיני ס"ד א"מא בשמינית]:

פירוש

שם כבוד מלכותו שהעם עונים להלל ולהודות: בימה. אלמבר"א: מקץ שבע שנים. בסוף שבע שנים הויה קריאה על ידי מלך כזה כדתניא בספרי בפרשת המלך את משנה התורה הזאת אין קורין ביום הקהל אלא במשנה תורה: וקורא ויושב. וקורא בישיבה: אגריפס המלך. מלך ישראל היה מזרעו של הורדוס והוא (שחרב) [שהחריב] הבית בימיו: זלגו עיניו דמעות. לפי שהמקרא הזה פסלו מן המלכות: אחינו אתה. שאמו מישראל ע"כ: מתחלת אלה הדברים עד שמע שבואתחנן:

אגרופה. כחה של חנופה אע"ג דאמו מישראל אין ראוי למלכות דעבד הוא וזילא מילתא: נתעוותו הדינין. שהחניפו הדיינין את בעלי הדין: ונתקלקלו המעשים. שהגדולים היו עוברי עבירה ולא מיחו בידם מפני החנופה: ואין לך אדם שיכול לומר לחבירו מעשי גדולים ממעשיך. שמתוך שלא מיחו ביד עוברי עבירה למדו הדורות את מעשיהם וקלקלו

(ע"ב) **לז פיסקא** וכשהגיע ללא תוכל וגו'. תנא משום רבי נתן באותה שעה נתחייבו שונאיהם של ישראל כליה מפני שחנפו לו לאגריפס המלך אמר ר"ש בן חלפתא מיום שגברה אגרופה של חנופה נתעוותו הדינין ונתקלקלו המעשים ואין אדם יכול לומר לחבירו מעשי גדולים ממעשיך דרש רב יהודה בר מערבא ואיתימא ר"ש

בן

לו משנה. וויא אזוי האט דער מלך געלייענט די פרשה. די נאכט וואס נאך דעם ערשטן טאג סוכות. דעם יאהר וואס נאך שמטה. ושמטה האט זיך אויס געלאזט ראש השנה. צוא יענער שמטה הייסט ער דער זכטער יאהר. אונ צוא די נייע שמטה הייסט ער דער ערשטער יאהר). האט מען געמאכט א קאסטן פון האלץ אין די עזרה. אונ דער מלך איז געזעסן אויף דעם קאסטן. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אין סוף זיבען יאהר אין דעם יום טוב וואס נאך דער יאהר פון שמטה אין דעם יום טוב סכות. זאל דער מלך לייענען די פרשה פון מלך וואס שטייט אין די סדרה שופטים. דער שמש פון די שוהל נעמט די ספר תורה. אונ ער גיט איר צום גבאי פון שוהל. אונ דער גבאי גיט איר צום סגן ודער אנדערער פון כהן גדול. אונ דער סגן גיט איר צום כהן גדול. אונ דער כהן גדול גיט איר צום מלך: אונ דער מלך שטייט אונ נעמט די ספר תורה. אונ זעצט זיך אונ לייענט אין איר די פרשה פון מלך. דער מלך אגריפס האט זיך געשטעלט אונ האט גענומען די ספר תורה אונ האט געלייענט שטייענדיג. האבען די חכמים אים געלויבט. אונ אז ער איז געקומען צום פסוק דו טארסט נישט געבן אויף דיר א מלך א פרעמדען וואס ער איז נישט דיין ברודער: האט ער געגאסן טרערן פון זיינע אויגן. ווייל ער איז נישט געוועזן פון יודין. האבען די חכמים צו אים געזאגט דו זאלסט נישט מורא האבען אגריפס המלך דו ביסט אונזער ברודער. ווארום זיין מוטער איז געוועזן פון יודין. אונ ער לייענט פון אנהייב אלה הדברים:

לז פיסקא. אז דער מלך אגריפס איז געקומען צום פסוק דו טארסט נים געבן אויף דיר א מלך א פרעמדין. האבען די חכמים צו אים געזאגט דו ביסט אונזער ברודער. זאגט די גמרא מיר האבען געלערנט פון רבי נתן וועגן אין דער צייט ווענען די יודין פארשולדיגט געווארין ס'ן זאל זייא פארלענדין. ווייל זייא האבען געחנפת דעם מלך אגריפס. רבי שמעון בן חלפתא זאגט פון דער צייט וואס עס האט זיך געשטארקט דער כח פון חניפה. ווענען פארקרימט געווארין אלע דינים. אונ עס ווענען קאליע געווארין אלע זאכין. אונ איין מענטש קען נים זאגין צו זיין חבר מיינע מעשים ווענען גרעסער וויא דיינע מעשים. ווארום ביידענס מעשים ווענען נים גוט. אלע טוהען עבירות. רב יהודה פון ארץ ישראל האט גידרשת. אנדערע זאגין רבי שמעון

בן פזי מותר להחניף לרשעים בעה"ז שנא' (ישעיה לב) לא יקרא עוד לנבל נדיב ולכילי לא יאמ' שוע מכלל דבעה"ז] שרי רשב"ל אמר מהכא (בר' שית לג) כראות פני אלהים ותרצני ופליגא דרבי לוי דא"ר לוי משל דיעקב ועשו למה הדבר דומה לאדם שזימן את חבירו לסעודה ויודע בו שמבקש להורגו א"ל טעם תבשיל זה שאני טועם כתבשיל שטעמתי בבית המלך אמר ליה ידע ליה מלכא להאי מסתפינא למקטליה:

לח א"ר אלעזר כל אדם שיש בו חניפה מביא אף לעולם שנא' (איוב לו) וחנפי לב ישימו אף ולא עוד אלא שאין תפלתו נשמעת שנאמר (שם) לא ישועו כי אסרם. ואר"א כל אדם שיש בו חנופה אפילו עוברין שבמעי אמן מקללין אותו שנאמר (משלי כד) אומר לרשע צדיק אתה יקבוהו עמים יזעמוהו לאומים ואין קוב אלא קללה שנא' (במדבר כג) מה אקוב לא קבה אל ואין לאומים אלא עוברין שנאמר (בראשית כה) ולאם מלאם יאמץ. ואמר רבי אלעזר כל אדם שיש בו הנופה נופל בגיהנם שנאמר (ישעיה ה) הוי האומרים

ונמצאו כולן עוברין: ולכילי. ל' כלתה נפשי שמתאוה יין תמיד: ופליגא. הא דרים לקיש דא מר להחניפו לעשו נתכוין יעקב לומר לו ראיתי פניך כראות פני אלהים אדר' לוי דאמר לא להחניפו יתכוין אלא לאיים עליו ולהודיעו שהיה רגיל לראות המלאכים:
לא ישועו כי אסרם. כשיבואו עליהם יסורים לא תועילם

בן פזי האט גידרשת מען מעג חנפנן דיא רשעים אויף דער וועלט. וואָרום עס שטייט אין פסוק אז משיח וועט קומען וועט מען ניט טאָרין רופין דעם שלעכטין מענטש. גוט הארציגער. אונ צו דעם פאלשין וועט מען ניט טאָרין זאָגין דו ביסט אהאר: ווייל מען וועט ניט טאָרין חנפנן. אבער היינט מעג מען חנפנן: רבי שמעון בן לקיש זאָגט פון דעם פסוק. יעקב האָט גזאָגט צו עשו דו ביסט ביי מיר אזוי בווילינגט גלייך וויא איך וואָלט גיזעהן דעם פנים פון אמלאך. האָט דאָך יעקב גיחנפת צו עשו. אונ רבי שמעון בן לקיש קריגט אויף רבי לוי. וואָרום רבי לוי האָט גזאָגט אז יעקב האָט ניט געמיינט חנפנן עשו. ער האָט נאָר גיוואָלט אויף אים מאכין אמורא. עשו זאָל הערין אז יעקב זעהט מלאכים. אונ דער ענין פון יעקב מיט עשו איז גלייך וויא אמענטש האָט אמאהל גיבעטין זיין חבר אויף אסעודה. דער ווייל האָט זיך דער חבר דער וואָסט אז דער מענטש וויל אים הרגנן. האָט דער חבר גזאָגט צו אים דער טעם פון דעם עסין וואָס איך עס ביי דיר איז גלייך צו דעם טעם פון דעם עסין וואָס איך האָב גיגעסין ביי דעם מלך. האָט דער מענטש ביי זיך גטראַכט דער מלך קען דעם מענטש. האָב איך אים מורא צו הרגנן:

לח אמר. רבי אלעזר האָט גזאָגט דער מענטש וואָס חנפת בריינגט דעם כעס פון גאָט אויף דער וועלט וואָרום עס שטייט אין פסוק דיא הערצער וואָס חנפנן טוהען כעס אויף דער וועלט: אונ נאָך מעהר איז גאָט הערט ניט זיין תפלה. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק לא ישועו כי אסרם. אז גאָט וועט ברייננגען אויף זייא יסורים. וועט זייא ניט העלפין זייער שרייען. נאָך האָט רבי אלעזר גזאָגט דער מענטש וואָס חנפת אפילו דיא קינדער וואָס זענען אין זייער מוטערס בויך פלוכין אים. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דער וואָס זאָגט צוא ארשע דוא ביסט אצדיק. ווייל ער חנפת אים. יקבוהו עמים יזעמוהו לאומים. פעלקער וועלין אים פלוכין. דיא קינדער וואָס זענען אין זייער מוטערס בויך וועלין אויף איהם צערענען. וואָרום יקבוהו איז טייטש פלוכין אזוי וויא עס שטייט אין פסוק מה אקוב לא קבה אל. וואָס זאָל איך פלוכין אז גאָט פלוכט ניט. אונ לאומים מיינט מען קינדער וואָס זענען אין זייער מוטערס בויך. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אויף יעקב מיט עשו ווען זייא זענען נאָך גיוועזן אין זייער מוטערס בויך ולאום מלאום יאמץ. איין קינד וועט זיין שטאַרקער פון דעם אנדערין. נאָך האָט רבי אלעזר גזאָגט דער מענטש וואָס חנפת פאַלט אריין אין גיהנם. וואָרום עס שטייט אין פסוק דיא וואָס זאָגין אויף שלעכט עס איז גוט. אונ אויף גוט זאָגין זייא עס איז שלעכט. אויף פינצטער זאָגין זייא

הוא אומרים לרע טוב ולטוב רע שמים חשך לאור ואור לחשך שמים מר למתוק ומתוק למר מה כתיב אחריו לכן כאכול קש לשון אש וחשש להבה ירפה שרשם כמק יהיה ופרחם כאבק יעלה. ואר"א כל המחניף לרשע סוף נופל בידו ואם אינו נופל בידו נופל ביד בנו ואם אינו נופל ביד בנו נופל ביד בן בנו שנאמר (ירמיה כח) ויאמר ירמיה הנביא אל חנניה הנביא וגו' אמן כן יעשה ה' יקים ה' את דבריך וגו' וכתיב (דף מב) (שם לז) ויהי הוא בשער בנימין ושם בעל פקודות ושמו יראיה בן שלמיה בן חנניה ויתפוש את ירמיה הנביא וגו' וכתיב (שם) ויתפוש יראיה בירמיה ויביאהו אל השרים. ואמר רבי אלעזר כל עדה שיש בה חנופה מאוסה כנדה גלמודה מאי גלמודה גמולה דא מבעלה ואמר רבי אלעזר כל עדה שיש בה חנופה לסוף גולה כתיב הכא כי עדת חנף גלמוד וכתיב התם (ישעיה מט) ואמרת בלבבך מי ילד לי את אלה ואני שכולה וגלמודה גולה וסורה ואלה מי גדל הן אני נשארתי לבדי אלה איפה הם;

פירוש

שמילם שופה: ויאמר ירמיה לחנניה הנביא שאמר נבואות שקר על גלות יכניה וכלי המקדש שאין עמו בעוד שנתים ימים אני משיבם אל המקום הזה: אמן כן יעשה ה'. החנופה היא זו שהיה יודע בודאי שקר אמר ניבא: הוא בשער בנימין. שאמר כמה ימים היה ירמיה יוצא מירושלים ללכת ארץ בנימין לחלוק נחלה שנפלה לו ותפסו יראיה ואמר לו אל הכשדים אתה נופל: גמולה. גדולה כמו ויגמל:

אמר

עס איז ליכטיג. אונ אויף ליכטיג זאגין זייא עס איז פינצטער; אויף ביטער זאגין זייא עס איז זיס; אונ אויף זיס זאגין זייא עס איז ביטער. ווייל זייא זענען פאלש אונ חנפנן דריבער זאגין זייא ניט דעם אמת. וואס שטייט נאך דעם פסוק אזוי וויא דער צונג פייאר פאר ברענט דעם שטרוי. אונ דער פלאם מאכט שוואך דיא פלעווע. אזוי וועט דער פייער פון גיהנם פאר ברענגען דיא מענטשין וואס חנפנן. זייער וואר‌ציל וועט זיין וויא צוא גאנגען. אונ זייער בליהונג וועט אויף גיין וויא שטויב: וואס זייא זענען איינגיווארצלט אויף דער וועלט אונ וואס זייא בליהען. וועט אלץ פאר לענדט ווערין. נאך האט רבי אלעזר גזאגט דער וואס חנפת דעם רשע. וועט זיין דער סוף ער וועט אריין פאלין צו דעם רשע אין דיא הענט. אונ אויב ער פאלט ניט אריין אין דיא הענט פון דעם רשע. פאלט ער אריין אין דיא הענט פון דעם רשעס זוהן. אונ אויב ער פאלט ניט אריין אין דיא הענט פון דעם רשעס זוהן. פאלט ער אריין אין דיא הענט פון דעם רשעס אייניקול. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ירמיה הנביא האט גזאגט צוא חנניה הנביא אמן אזוי זאל גאט טאהן גאט זאל אויף שטעלין דיינע רייד. האט ירמיה גיחנפת חנניה. אונ עס שטייט אין פסוק ירמיה איז גיוועזן אין טויער בנימין אונ דארט איז גיוועזן בעל פקודות (אעלצטער) זיין נאמען איז גיוועזן יראיה דער זוהן פון שלמיה דער אייניקול פון חנניה. האט ער אן גינומען ירמיה הנביא. אונ נאך שטייט אין פסוק יראיה האט אן גינומען ירמיה אונ האט אים גיבראכט צוא דיא שרים; זעהן מיר ווייל ירמיה האט גיחנפת חנניה איז ער אריין גיפאלען אין דיא האנט פון יראיה וואס ער איז דער אייניקול פון חנניה. נאך האט רבי אלעזר גזאגט אפאר זאמלונג יודין וואס חנפנן איינער דעם אנדערין. איז זיא פאר מאוסט אזוי וויא אנדה. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק כי עדת חנף גלמוד; אפאר זאמלונג וואס חנפנן זענען וויא אנדה. ווארום אין דיא שטעט פון ים רופט מען אנדה גלמודה. וואס איז דער טייטש גלמודה. גמולה דא מבעלה: זיא איז אפ גישיידט פון מאן. נאך האט רבי אלעזר גזאגט אפאר זאמלונג וואס חנפנן איינער דעם אנדערין. וועלין זייא פאר טריבען ווערין ווארום דא שטייט כי עדת חנף גלמוד. אונ דארט שטייט ואמרת בלבבך מי ילד לי את אלה ואני שכולה וגלמודה גולה וסורה ואלה מי גדל הן אני נשארתי לבדי אלה איפה הם. אזוי וויא דארטין גלמודה איז דער טייטש אליין ווייל זייא זענען פאר טריבען גיווארין; אזוי עדת חנף גלמוד. מיינט מען אויך דיא מענטשין וואס חנפנן וועלין זיין אליין ווייל זייא וועלין פאר טריבען ווערין:

לט (אמר רב חסדא) א"ר ירמיה בר אבא ד' כתות אין מקבלות פני שכינה כת לצים. כת שקרים. כת חנפים. כת מספרי לה"ר. כת לצים. דכתיב (הושע ז) משך ידו את לוצצים. כת שקרים דכתיב (תהלים מא) דובר שקרים לא יכון לנגד עיני. כת חנפים דכתיב (איוב יג) כי לא לפניו חנף יבא. כת מספרי לה"ר דכתיב (תהלים ה) כי לא אל חפץ רשע אתה לא יגורך רע צדיק אתה ה' לא יגור במגורך רע:

משך ידו הקב"ה מהיות את לוצצים: לא יגורך רע. לא יגור עמך רע וגבי מספר לה"ר כתיב דכתיב בההיא פרשתא כי אין בפיהו נכונה קרבם הוות גו'
משוח מלחמה. כהן שנתרבה ונמשח לכך: שנא' ונגש הכהן בגמרא פריך מאי קאמר (היכי יליף לה"ק מהכא): ויקומו האנשים. כתיב גבי מלחמת פקח בן רמליהו עם אחז בדברי הימים שהכו מבני יהודה הרבה והם היה הנביא עודד שמו והוכיחם לבני ישראל ואמר להם בחמת ה' על אהיכם בני יהודה נתנם בידכם והכיתם בהם לאין מרפא ועתה אתם אומרים לכבוש אותם לעבדים שמעוני והשיבו את השביה: לכל כושל. כל

משוח מלחמה פרק שמיני

מ משנה משוח מלחמה בשעה שהוא מדבר אל העם בלה"ק היה מדבר שנאמר (דברים כ) והיה כקרבכם אל המלחמה ונגש הכהן [זה כהן משוח מלחמה] ודבר אל העם בלה"ק (שם) ואמר אליהם שמע ישראל וגו' על אויביכם ולא על אחיכם לא יהודה על שמעון ולא שמעון על בנימין שאם תפלו בידם ירחמו עליכם כמ"ש להלן (ד"ה ב כח) ויקומו האנשים אשר נקבו בשמות ויחזיקו בשביה וכל מערומיהם הלבישו מן השלל וילבישום וינעלום ויאכילום וישקום ויסכום וינהלום בחמורים לכל כושל וגו'

לט אמר. רבי ירמיה בר אבא האט גזאגט פיר ערליי מענטשין זענען דא וואס וועלין נים זעהן דיא שכינה. דיא מענטשין וואס לאכען פון תורה אונ מצות. דיא מענטשין וועם זאגין ליגען. דיא מענטשין וואס חנפנן: דיא מענטשין וואס זאגין לשון הרע. דיא מענטשין וואס לאכען פון תורה אונ מצות. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק משך ידו את לוצצים. גאט האט אפ גיצויגען זיין האנט פון דיא לצים. דיא מענטשין וואס זאגין ליגען: אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דער וואס רעט ליגען זאל נים זיין פאר מיינע אויגען. דיא מענטשין וואס חנפנן. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק פאר אים ופאר גאטו וועט נים קומען דער וואס חנפת. די מענטשין וואס דער ציילען לשון הרע. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דוא בישט אגאט וואס דוא ווילסט גיט קיין שלעכץ מיט דיר וועט נים וואהנען קיין שלעכץ: גאט דוא בישט אצדיק אין דיין וואהנונג וועט נים וואהנען קיין שלעכטער. דער וואס רעט לשון הרע ווערט ער גירופען אשלעכטער:

פרק שמיני

א משנה. דער כהן וואס איז גיזאלבט גיווארין ער זאל גיין מיט דיא יודין אין דער מלחמה. ווען ער רעט צום פאלק דיא פסוקים וואס שטייען אין דיא סדרה שופטים. רעט ער זייא אויף לשון קודש: אזוי וויא עס שטייט אין פסוק עס וועט זיין אז איר וועט גינענען צוא דער מלחמה זאל גינענען דער כהן (דאס מיינט מען דעם כהן וואס איז גיזאלבט גיווארין צוא גיין אין דער מלחמה). אונ ער זאל ריידן צום פאלק. אויף לשון קודש. אונ ער זאל זאגין צוא זייא הערט צוא יודין איר גינענט היינט צוא אמלחמה. אויף אייערע פיינט. נים אויף אייערע ברידער. נים יהודה אויף שמעון. אונ נים שמעון אויף בנימין. אז איר וואלט פאלען אין דיא הענט פון אייערע ברידער וואלטין זייא אויף אייך רחמנות האבען: אזוי וויא עס שטייט דארטין עס זענען אויף גישטאנען דיא מענטשין וואס זענען ארויס גירעט גיווארין מיט דיא נעמען אונ זייא האבען אן גינומען דיא גיפאנגענע אלע נאקעטע האבען זייא בקליידט פון דיא רויב. זייא האבען זייא גיגעבין קליידער אונ שיך אונ עסין טרינקען. אונ האבען זייא געשמירט מיט

סכוכלים שבהם סאינם (ראוין) [יכולין] ללכת ברגליהם: ללכת סוסים. לנף הכוסים קרוי לכלכ בלשון מקרא: ספעת הקלגסים. רכוי היילות: הגפת תריסין. מגיפין וסוגרין ומדבקין התריסין זה סמוך לזה כדי שינקשו זה על זה וקולס נשמע כקול המון לאייט על שכנגדן: בוכך. בר לנל הדרעזר: [מאי שנא שמע ישראל. למה מתחיל בלשון זה]:

וגו' על אויביכם אתם הולכים שאם תפ:ו בידם אין מ־חמים עליכם. (דברים כ) אל ירך לבבכם אל תיראו ואל תחפזו ואל תערצו מפניהם אל ירך לבבכם מפני צהלה סוסים וצחצות חרבות. אל תיראו מפני הגפת התריסים ושפעת הקלגסים ואל תחפזו מקול הקרנות ואל תערצו מפני קול הצווחה כי ה' אלהיכם ההולך עמכם הם באים בנצחונו של בשר ודם ואתם באים בנצחונו של מקום פלשתים באים בנצחונו של גלית ומה היה סופו שנפל בחרב והם נפלו עמו בני עמון באים בנצחונו של שובך ומה היה סופו שנפל בחרב והם נפלו עמו אבל אתם אין אתם כן אלא (שם) כי ה' אלהיכם ההולך עמכם להלחם לכם עם אויביכם להושיע אתכם זה [מחנה] הארון:

ב פיסקא (דברים כ) ואמר אליהם שמע ישראל. (ל"ל למימר להו) [מאי שנא] שמע ישראל א"ר יוחנן משום ר"ש בן (עזאי) [יוחאי] א"ל הקב"ה לישראל אפילו

בוימאייל. אונ זייא האבען געפירט אויף אייזלען אלע שוואכע מענטשין. דאס איז אלץ געוועזן אז יודין אויף יודין האבען מלחמה גיהאלטען. אבער איצט גייט איר מלחמה האלטען מיט אייערע פיינט. אויב איר וועט פאלען אין זייערע הענט. וועלין זייא אויף אייך ניט רחמנות האבען. עס זאל ניט ווייך ווערין אייער הארץ. פון דעם געשריי פון דיא פערד. אונ ניט פון דעם בלאנק פון דיא שווערדין. איר זאלט ניט מורא האבען פאר דעם קלאנג פון דיא פאנצירען. אונ ניט פאר דיא פיל מיליטער. איר זאלט ניט איילין צוא אנטלויפען פאר דעם שרעק פון דיא טרומייטען. איר זאלט ניט צוא בראכען ווערין פאר זייער געשריי. ווארום אייער גאט גייט מיט אייך. זייא קומען מיט דיא שטארקייט פון א מענטשין. אונ איר קומט מיט די שטארקייט פון גאט. דיא פלשתים זענען גיקומען מיט די שטארקייט פון גלית. וואס איז געוועזן זיין סוף. ער איז גיפאלען דורך דעם שווערד. אונ דיא פלשתים זענען גיפאלען מיט אים. די קינדער פון עמון זענען גיקומען מיט דיא שטארקייט פון שובך. וואס איז געוועזן זיין סוף. ער איז גיפאלען דורך דעם שווערד. אונ זייא זענען גיפאלען מיט אים. אבער איר יודין זענט ניט אזוי. נאר אייער גאט גייט מיט אייך צו שטרייטין פון אייערט וועגין מיט אייערע פיינט אונ אייך צו העלפין. דס מיינט מען דעם ארון וואס ער גייט אין די מחנה:

ב פיסקא. אין דער תורה שטייט דער כהן זאל זאגין צו דיא יודין שמע ישראל. פרעגט דיא גמרא פאר וואס זאל ער זאגין מיט דעם לשון שמע ישראל: האט רבי יוחנן גזאגט פון רבי שמעון בן יוחאים וועגין. גאט זאגט צוא דיא יודין אפילו איר האט ניט מער מקיים גיוועזן נאר דיא מצוה פון קריאת שמע אין דער פריא אונ ביי נאכט. וועט איר ניט גיגעבין ווערין אין דיא הענט פון אייערע פיינט. דיא רבנן האבען גילערנט צוויא מאהל האט דער כהן גירעדט מיט דיא יודין. איין מאהל ביי דעם גרענעץ ווען דיא יודין זענען ארויס גיגאנגען פון זייער לאנד. אונ איין מאהל ביי דיא מלחמה: ביי דעם גרענעץ וואס האט דער כהן צו זייא גזאגט. ער האט גזאגט צוא זייא הערט אויס דיא רייד פון דיא פאר ברייטונג פון דער מלחמה. אונ ווער עס באדארף גיין אהיים זאל גיין אהיים. אין דער מלחמה וואס האט ער גזאגט צוא זייא. עס זאל ניט ווייך ווערין אייער הארץ. איר זאלט ניט מורא האבען. איר זאלט אייך ניט איילין. איר זאלט ניט צוא בראכען ווערין. דאס האט ער זייא גזאגט געגין דיא פיר זאכען וואס די פעלקער טוהען אין די מלחמה. זייא קלאפין מיט דיא פאנצירען. זיי טרומייטערין. זייא שרייען. דיא פערד טרעטין אונ שפרינגען אונ שרייען:

ג פיסקא. דיא פלשתים זענען גיקומען מיט דיא שטארקייט פון גלית. פאר וואס האט

מען

אפילו לא קיימתם אלא ק"ש שחרית וערבית אין אתם נמסרים בידם. ת"ר ב' פעמים מדבר עמהם אחד בספר ואחד במלחמה בספר מהו אומר (ע"כ) שמעו דברי מערכי המלחמה וחזרו במלחמה מהו אומר (שם) אל ירך לבבכם אל תיראו ואל תחפזו ואל תערצו כנגד ד' דברים שאוה"ע עושים מניפין ומריעין וצווחין ורומסין:

ג ופיסקא] פלשתים באים בנצחונו של גלית וכו' גלית א"ר יוחנן שעמד בגלוי פנים לפני המקום שנאמר (ש"א יז) ברו לכם איש וירד אלי ואין איש אלא המקום שנאמר (שמות טו) ה' איש מלחמה אמר הקב"ה הריני מפילו ביד בן איש שנאמר (ש"א יז) ודוד בן איש אפרתי (הוא) [הזה] א"ר יוחנן משום ר"מ בג' מקומות לכדו פיו לאותו רשע א' ברו לכם איש וירד אלי. ואידך אם יוכל להלחם אתי והכני והיינו לכם עבדים. ואידך [דקאמר ליה לדוד] הכלב אנכי כי אתה בא אלי במקלות דוד נמי קאמר ליה אתה בא אלי בחרב ובחנית ובכידון דוד הדר א"ל ואנכי בא אליך בשם ה' אלהי צבאות אלהי מערכות ישראל אשר חרפת ויגש הפלשתי השכם והערב אמר רבי יוחנן כדי לבטלם מקריאת שמע שחרית וערבית ויתיצב ארבעים יום [א"ר יוחנן] כנגד ארבעים יום שניתנה בהם

ב' פעמים מדבר עמהם אחד בספר. כשיוצאין מארצם: שמעו דברי מערכי המלחמה. מי ראוי לחזור ומי ראוי לילך יחזרו הראוים לחזור כגון בונה בית ונוטע כרם וארס אשה וירא ורך לבב ואע"ג דכתיב בהו ודברו השוטרים לקמן אמרינן דכהן קאמר להו אלא השוטרים משמיעין דבריו לעם: אל ירך לבבכם אל תיראו ואל תחפזו ואל תערצו. ארבע אזהרות: כנגד ארבעה דברים שאוה"ע עושים. לאיים: מגיפין. בתריסין: ומריעין. בקרנות: וצווחין. בקולם: ורומסין. בגלגלת סוסים ודהרותם אבל לאומה הרבות ושפעת קלגסין של עי"ג המלחמה ואינם לאיים:

בגלוי פנים. בחוצפה: ברו. בחרו: לכדו פיו (פיו הכפילו) [אמר פיו את כלום]:
וירד אלי. משמע עלי שהוא יגבר דהל"ל וילחם אתי: ואידך והכני. ואע"ג דהדר אמר ואם אני אוכל לו והכיתיו מ"מ פתיחת פיו לרעתו הוה: דוד ה"נ קאמר ליה ואני בא וגו'. ואין זו פתיחת פיו לרעה דקאמר ליה אתה בא נמשל בי ע"י דבר שאין בו ממש ואני בא למשול בך בשם בהנהגות שלו: כנגד מ' יום. שאיתה תורה נתקבלה בהם

מען אים גערופן גלית. רבי יוחנן זאגט ווייל ער איז געשטאנען מיט אויף געדעקטן פנים פאר גאט. ער איז געשטאנען מיט עזות פנים. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק גלית האט געזאגט ברו לכם איש וירד אלי. איש מיינט מען גאט. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ה' איש מלחמה. האט גלית געזאגט קלויבט אייך אויס אפילו גאט אליין זאל גיין מיט מיר מלחמה האלטין. וועל איך פאר אים אויך שטארקער זיין. האט גאט געזאגט איך וועל אים מאכען פאלען אין די הענט פון אזוי אמענטש וואס מען רופט אים בן איש. ווארום עס שטייט אין פסוק דוד איז געוועזן בן איש אפרתי: רבי יוחנן האט געזאגט פון רבי מאירס וועגין אין דריי ארטער דריי מאהל האט דער רשע גלית געזאגט זיין שטרויכלונג. איין מאהל האט ער געזאגט ברו לכם איש וירד אלי. קלויבט אייך אויס אמענטש ער זאל נידערין צו מיר. דאס ער זאל מלחמה האלטען אויף מיר. ער זאל זיין שטארקער פאר מיר. ער זאל מיך איין נעמען. נאך אמאהל האט ער געזאגט אויב ער וועט קענען מיט מיר מלחמה האלטען אונ ער וועט מיך שלאגין וועלין מיר זיין קנעכט צו אייך. נאך אדריטען מאהל. ער האט געזאגט צו דוד בין איך דען אהונט וואס דוא קומסט צו מיר מיט שטעקינס. פרעגט די גמרא דוד האט דאך אויך אזוי געזאגט צו גלית. דוא קומסט צו מיר מיט אשווערד אונ מיט אשפיז. ענטפערט די גמרא דוד האט אבער באלד געזאגט צו גלית אונ איך קום צו דיר מיט דעם נאמען פון גאט וואס ער האט באשאפען אלע הערשאפט פון הימעל אונ ער איז דער גאט פון די יודישע מחנה וואס דו האסט זייא היינט געלעסטערט. אין פסוק שטייט גלית הפלשתי האט גינענט צו די יודישע מחנה אין דער פריא אונ אבענד. פאר וואס אין די צוויי צייטען. רבי יוחנן זאגט ווייל ער האט געוואלט שטערין די יודין זייא זאלין ניט לייענען קריאת שמע ניט אין דער פריא אונ ניט פארין נאכט אונ גלית האט זיך אזוי געשטעלט פערציג טעג. רבי יוחנן זאגט ווייל די יודין האבען פאר שטעמיגט פערציג טעג ביז זייא האבען אן גינומען די תורה: אין פסוק שטייט עס איז

בהם התורה. ויצא איש הבינים ממחנות פלשתים מאי בינים אמר רב שמבונה מכל מום ושמואל אמר בינוני שבאחיו דבי ר' שילא אמרי שהיה עשוי כבנין ר' יוחנן אמר בר מאה פפי וחדא נאנאי. וגלית שמו מגת תני רב יוסף שהכל דשין באמו כגת. כתיב ממערות וקרינן ממערכות תני רב יוסף שהכל הערו באמו. כתיב (רות א) ערפה וכתיב (ש"ב כא) הרפה רב ושמואל ח"א הרפה שמה וח"א ערפה שמה ח"א הרפה שמה ולמה נקרא שמה ערפה שהכל עורפין אותה מאחוריה וח"א ערפה שמה ולמה נקרא שמה הרפה שהכל דשין אותה כהריפות וכה"א (שם יז) ותקח האשה ותפרוש את המסך על פי הבאר ותשטח עליו הריפות ולא נודע דבר ואבע"א מהכא (משלי כז) אם תכתוש את האויל במכתש בתוך הריפות בעלי. (ש"ב כא) את ארבעת אלה יולדו להרפה בגת ויפלו ביד דוד וביד עבדיו מאן נינהו אמר רב חסדא סף ומדון גלית וישבי בנוב כתיב (שם) וחץ חניתו וקרינן ועץ חניתו אמר ר' אלעזר עדיין לא (הגיעו לשבחו) [הגיענו לחצי שבחו] של אותו רשע מכאן שאסור לספר בשבחן של

נו כח לכתיבה: מבונה מכל מום. מתוקן ומזוקק מכל מום של כיעור: שבאחיו. ארבע אחים הוו כדלקמן: בר מאה פפי וחד נאנאי. בן התערובת שבאו הרבה אנשים על אמו בלילה אחת ונתעברה מן אחד נמצא הראשון אביו וכולם מנאפים: נאנאי. זונה הוא בלשון פרסי. פפי פדרשטרו"ש ולשון איש הבינים שיצא מבין אנשים הרבה: כתיב ממערות. ממערות פלשתים: כתיב ערפה. שם האחת ערפה: וכתיב הרפה. אשר בילידי הרפה והוא ערפה כדאמרינן [לקמן] שנגזר עליה שיפלו בניה בחרב ביד בני רות שדבקה בשכינה: עורפין אותה. פקידה עצמה כבהמה פנים כנגד עורף: כהריפות. חטין כתושין:

סף ומדון וגלית וישבי. כולם בספר שמואל: חץ. לשון חני כודיעך הכתוב שלא ספר חני

מהרש"א. אני מה לו ע"י בן איש פי' שעדיין לא בא גכלל איש כמפורש בקרא ויבזהו כי היה נער כו' וק"ל: נגדו פיו כו' וירד אלי כו' פירש"י משמע עלי שהוא יגבר כו' ע"ש והוא דחוק ונראה דדרש שהמפחד במלחמה אינו הולך נגד שכנגדו ועומד במקומו והיפך הזריז ואינו מפחד הולך אל נגד שכנגדו להלחם בו והיינו דקאמר הכא פיו שכשילו לומר וירד אלי וכן כי אתה בא אלי גו' שהוא יעמוד במקומו כאלו הוא מפחד אע"ג דודאי לא היה מפחד מדוד כמפורש בקרא איהו לא הזי מזלו חזי ורה"ג פי' רש"י בהדיא בספר שמואל גבי יונתן שאמר אם כה יאמרו אלינו דומו עד הגיענו גו' ואם כה יאמרו עלו גו' ע"ש ומיהא השתא הא דמשני הדר א"ל ואני בא אליך גו' שפרש"י ואין זה פתיחת פה לרעה כו' ופירוש דחוק הוא אבל לשיטתנו ניחא דהוי סימן ודאי רע כשלא אחד עומד במקומו משום פחד והשנית הולך אלא בלי פחד אבל כשניהם הולכין זה כנגד זה אין שם מפחד כלל וע"כ דוד א"ל אם אתה אינו מפחד ובא אלי בחרב גו' גם אנכי בלא פחד ממך באתי אליך בשם ה' גו' מה שאין כן גליה לא אמר רק וירד אלי וגו' אתה בא אלי במקלות גו' ולא אמר שהוא בא אל דוד אלא כמפחד ועומד במקומו ואיך שיהיה קלא קשה אמאי לא חשיב נמי הכא דקאמר ויאמר הפלשתי אל דוד לכה אלי וגו'. ומה שפי' רש"י עוד בזה והירך והכי ואף על גב דהדר אמר גומר והכיתיו מכל מקום פתיחת פיו לרעתו עכ"ל. נראה לפרש בדרך אחרת דודאי והכתיו לא אמרו אלא בלשון ספק ואם אני אוכל לו והכיתיו אבל הכא אי הוה קאי אם יוכל הכי הל"ל למכתב כמו כן אם יוכל לי והכני ושינה למכתב אם יוכל להלחם אתי והכני דמשמע מלת אם לשון ספק לא קאי רק איוכל להלחם אתי ולא אהכני והיינו דפיו הכשילו שלא נומר והכני בלשון ספק כמו והכיתיו וה"ק. ויתיצב מ' יום כו' עיין פירוש רש"י ועוד יש לפרש ע"פ מ"ש את זה לעומת זה עשה אלהים נגד הטומאה לעומת נגד הטהרה והקדושה וכמו שהתורה מגד קדושתה קבלם משה בעמדו ארבעים יום בהר סיני כן מכאן כח נגד הטומאה שעמד גלית נגד לחרף מערכות אלהים ארבעים יום אמנם כח הטהרה והקדושה גוברת כי כחו של גלית לא היה יום שלם ביום ולא בלילה גם שאין כן עמידת משה היה בשלימות ארבעים יום וארבעים לילה וק"ל:

מאי בינים כו'. שכל סיפור זה בשבחו הוא ולאודועיה שבחיה דדוד כדלקמן שאמר מבונה מכל מום כמה שכתוב בחנניה מישאל ועזריה אשר אין בהם כל מום דלפי' ריבדא דכוסילתא לא הוה בהם ושאמר בינוני שבאחיו כמ"ש בשפנת חנה ונתת לי זרע אנשים לא ארוך ולא גוץ ושאמר שהוא עשוי כבנין נוורה על חוזקו כבנין ושאמר בר מאה פפי כו' אפשר שרמז בזה שהיו כמו הכא מ"ש שהוא מספר מאה ומדברי הירושלמי שכתבו התוספות נראה כי דרשו כן מרמז ממערות ממאה ערלות ור"י קא"ל נפי שיטתו שהורה הכתוב נגד טומאה שהיה בו מזנות אמו. ועיין בזה בתוספות ודרי"ל וגלית שמו מגת שהכל דשין כ' דלא ה"ל למכתב מגת אלא גלית הגתי כמו שכתוב בקרא דסוף שמואל וע"כ דרשו מגת שבא מאשה זו שהכל דשין כו'. כתיב הרפה כו' משמע לגו דערפה זו היא הרפה פי' רש"י כדאמרינן לקמן שנגזר עליה שיפלו בניה כו'. ולכאורה היא גופה מנלן ויש לפרש דמשום דהארבעה יולדו להרפה ויפלו גו' שכבר הזכירם למעלה מזה בקרא מפורש בפרטות שנפלו ביד דוד ועבדיו אבל אשמועינן דזכתה ערפה לארבעה גבורים כללו מפני הנשיקה לחמותה אבל רות שדבקה בה זכתה למעלה יתירה ממנה שנפלו בני נשוקה ביד בניה של רות הדבוקה והכי נמי גוואה היא מפורש בקרא ישבי נפל ביד אבישי וגלית נפל ביד אלחנן שהוא דוד כדאמרינן במדרשות ומתן ביד יהונתן בן שמעי אחי דוד הרי אלו שלשה מבניה של רות סיו הוץ מסבהי כחושתי שנפל בידו סף אינו מפורש שאנשים של רות היה ודע גם שערפה מפורש בקרא דמואביה היתה קרא בניה פלשתים דבגת נולדו לה שהוא מארץ פלשתים גם בקרא מפורש שבנה ערפה משדה מואב עם חמותה ולא זכר שום סברה מהמוסם לשדם מואב וק"ל:

ארבעת אלה יולדו להרפה גו'. מאן נינהו א"ר חסדא כו'. לא ידענא מה תידם לן רב חסדא שהרי כן מפורש בהדיא בקרא בסוף ספר שמואל ד' שיב אלו הרבעה וכתיב בתר הכי ארבעת אלה נפלו גו'. ואפשר משום דנבי גלית לא מפורש בקרא שהיה מילידי הרפה כמפורש בסוף וישבי ובמדון. משום הכי קאמר מאן נינהו ארבעה מילידי הרפה וקאמר דחשיב נמי גלית בהדם אף משום דכתיב ביד דוד גו'. ובקרא אינו מפורש שאחד מארבעה אלה שנפל ביד דוד וקאמר שהרי גלית היה בתוך ארבעה אלה והוא שנפל ביד דוד ולא מצרך הכא לפרש כיון שכבר מפורש וע"כ ויך אלחנן גו' את גלית גו' דכתיב כאן היינו דוד וק"ל:

אחים גיגאנגען פון דיא מחנה פלשתים איש הבינים. וואס איז דער טייטש בינים. רב זאגט ער איז געוועזן געבאהט אן אפעגער שמואל זאגט ער איז געוועזן דער מיטעלסטער פון זיינע ברידער. דבי רבי שילא זאגט ער איז געוועזן געמאכט שטארק וויא אהויז. האט רבי אלעזר גיזאגט

רשעים ולא (לפרסומיה) [ליפתח ביה] כלל אלא להודיע שבחו של דוד:

(ש"ב כא) **ד ויפלו** ביד דוד וביד עבדיו [מאי נינהו] דכתיב (רות א) ותשק ערפה לחמותה ורות דבקה בה א"ר יצחק אמר הקב"ה יבואו בני הנשוקה ויפלו ביד בני הדבוקה. דרש רבא בשכר ארבע דמעות שהורידה ערפה על חמותה זכתה ויצאו ממנה ארבעה גבורים הללו שנאמר (שם) ותשנה קולן ותבכינה עוד:

גבורתו: לאודועי שבחיה דדוד: שנלחם עם גבור כזה:
בני הנשוקה. שנשקה לחמותה ליפרד ממנה שלא נתגיירה: ותבכינה עוד. פעם שניה דלעיל מיניה כתיב ותשאנה קולן ותבכינה: ארבע דמעות. לשתי בכיות מב' עינים:
כתיב שובך בספר שמואל: וכתיב שופך. בדברי הימים: אשפתו וגו'. בחיילות של נבוכדנצר כתיב ואיידי דנקט פלוגתא דרב ושמואל בדרשה דקראי נקט לה: מפני שאומנין. אבל לא גבורים. של

ה פיסקא בני עמון באין בגצחונו של שובך וכו'. כתיב שובך וכתיב שופך רב ושמואל (ואמרי לה רב אמי ורב אסי) חד אמר שובך שמו ולמה נקרא שמו שופך שכל הרואה אותו נשפך לפניו כקיתון וחד אמר שופך שמו ולמה נקרא שמו שובך שעשוי כשובך. (ירמיה ה) אשפתו כקבר פתוח כלם גבורים רב ושמואל (ואמרי לה רב אמי ורב אסי) ה"א בשעה שזורקים חץ עושים אשפתות של חללים וש"ת מפני שאומנין בקרב ת"ל כולם גבורים וה"א בשעה שעושים צרכיהם עושים אשפתות של זבל ושמא תאמר

חֵץ אִיז דֶער טַייטְשׁ הֶעלְפְט. מִיר הָאבֶּען נָאךְ נִישְׁט דֶער צֵיילְט דִיא הֶעלְפְט לוֹיבּ פוּן דֶעם רָשָׁע. עֶר אִיז נָאךְ שְׁטַארְקֶער גִיוֶוען וִויא דֶער פָּסוּק דֶער צֵיילְט פוּן אִים. נָאר פַאר וָואס דֶער צֵיילְט מֶען נִיט דִיא גַאנְצֶע שְׁטַארְקַייט זַיינֶע. וַוייל מֶען טָאר נִישְׁט דֶער צֵיילֶען דִיא לוֹיבּ פוּן אַרָשָׁע. פְרֶעגְט דִיא גְמָרָא זָאל מֶען גָאר נִיט דֶער צֵיילֶען פוּן אִים. נָאר מֶען וִויל דֶער צֵיילֶען דִיא שְׁטַארְקַייט פוּן דָוִד. אַז עֶר אִיז נָאךְ שְׁטַארְקֶער גִיוֶוען פוּן דֶעם רָשָׁע:

ד וַיִּפְּלוּ. דִיא פִיר קִינְדֶער פוּן עָרְפָּה זֶענֶען גִיפַאלִין אִין דִיא הֶענְט פוּן דָוִד אוּנ אִין דִיא הֶענְט פוּן זַיינֶע קְנֶעכְט. פַאר וָואס אִיז דָאס אַזוֹי גִיוֶוען. וַוייל עֶס שְׁטֵייט אִין פְּסוּק עָרְפָּה הָאט גִיקוּשְׁט אִיר שְׁווִיגֶער נָעמִי אוּנ אִיז אַוֶועק גִיגַאנְגֶען פוּן אִיר אוּנ הָאט זִיךְ נִיט מְגַייֵר גִיוֶוען. אוּנ רוּת הָאט זִיךְ בַּהֶעפְט צוּ נֶעמִי אוּנ הָאט זִיךְ מְגַייֵר גִיוֶוען. זָאגְט רֶבִּי יִצְחָק גָאט הָאט גִזָאגְט זָאלִין קוּמֶען דִיא קִינְדֶער פוּן דִיא וָואס הָאט זִיךְ גִיקוּשְׁט. אוּנ זָאלִין פַאלִין אִין דִיא הֶענְט פוּן דִיא קִינְדֶער פוּן דִיא וָואס הָאט זִיךְ בַּהֶעפְט. וָוארוּם דָוִד אִיז גִיבָּארִין פוּן רוּת. רָבָא הָאט גִידַרְשְׁ'ת פַאר דִיא פִיר טְרֶערִין וָואס עָרְפָּה הָאט גֶענִידֶערְט אוֹיף אִיר שְׁווִיגֶער הָאט זִיא זוֹכֶה גִיוֶוען פוּן אִיר זָאל גִיבָּארִין וֶוערִין אַזֶעלְכֶע פִיר שְׁטַארְקֶע מֶענְטְשִׁין. וָוארוּם עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק עָרְפָּה אוּנ רוּת הָאבֶּען אוֹיף גִיהוֹיבִּין זֵייעֶר שְׁטִימֶע אוּנ זֵייא הָאבֶּען גֶעווֵיינְט נָאךְ. הָאט עָרְפָּה פְרִיעֶר גִיגָאסִין צְווֵייא טְרֶערִין. פוּן יֶעדֶער אוֹיג אַטְרֶער. אוּנ אִיצְט נָאךְ אַמָאהְל צְווֵייא טְרֶערִין. פוּן יֶעדֶער אוֹיג אַטְרֶער:

ה פִּיסְקָא. דִיא קִינְדֶער פוּן עַמוֹן זֶענֶען גִיקוּמֶען מִיט דִיא שְׁטַארְקַייט פוּן שׁוֹבָךְ. אִין אֵיין פְּסוּק שְׁטֵייט שׁוֹבָךְ אוּנ אִין אֵיין פָּסוּק שְׁטֵייט שׁוֹפָךְ. רַב אוּנ שְׁמוּאֵל קְרִיגֶען. אֵיינֶער זָאגְט זַיין נָאמֶע אִיז גִיוֶוען שׁוֹבָךְ. נָאר פַאר וָואס הָאט מֶען אִים גֶערוּפִין שׁוֹפָךְ. וַוייל וֶוער עֶס הָאט אִים גִיזֶ'הֶן, אִיז צוּ גָאסִין גִיוָוארִין פַאר אִים אַזוֹי וִויא אַקְרִיגוּל וַואסֶער פַאר שְׁרֶעק. אוּנ אֵיינֶער זָאגְט זַיין נָאמֶען אִיז גִיוֶוען שׁוֹפָךְ. נָאר פַאר וָואס הָאט מֶען אִים גֶערוּפִין שׁוֹבָךְ. וַוייל עֶר אִיז גִיוֶוען גִימַאכְט הוֹיךְ אוּנ דִיק אַזוֹי וִויא אַטָאבִּין שְׁלַאק. עֶס שְׁטֵייט אִין פְּסוּק בַּייא דֶעם מִילִיטֶער פוּן נְבוּכַדְנֶצַר. אַשְׁפָּתוֹ כְּקֶבֶר פָּתוּחַ כֻּלָּם גִבּוֹרִים. רַב אוּנ שְׁמוּאֵל קְרִיגֶען. אֵיינֶער זָאגְט יֶעדֶער זֶעלְנֶער וָואס הָאט גִיוָוארְפִין אַפַייל הָאט עֶר גִימַאכְט בֶּערְג מִיט גִיהַרְגֶעטֶע מֶענְטְשִׁין. טָאמֶער וֶועסְטוּ זָאגִין וַוייל זֵייא זֶענֶען גִיוֶוען גְרוֹיסֶע קִינְצְלֶער אִין מִלְחָמָה אָבֶּער זֵייא זֶענֶען נִיט שְׁטַארְק גִיוֶוען שְׁטֵייט אִין פְּסוּק אַלֶע זֶענֶען גִיוֶוען שְׁטַארְקֶע מֶענְטְשִׁין. אוּנ אֵיינֶער זָאגְט וֶוען זֵייא

תאמר מפני שחולי מעיים הם ת"ל כולם גבורים אמר רב מרי ש"מ האי מאן דנפיש זבליה חולי מעיים הוא למנ"מ ליטרח בנפשיה. (משלי יב) דאגה בלב איש ישחנה רב אמי ורב אסי ח"א יסיחנה מדעתו וח"א ישיחנה לאחרים:

ו פיסקא אבל אתם אין אתם כן אלא (דברים כ) כי ה' אלהיכם ההולך עמכם וגו' זה מחנה הארון וכל כך למה מפני שהשם [וכל] כנוייו מונחים (דף מג) בארון (כיוצא בדבר אתה) [וכן הוא] אומר (במדבר לא) וישלח אותם משה אלף למטה לצבא. אותם אלו סנהדרין. ואת פנחס זה משוח מלחמה. כלי הקדש זה הארון והלוחות שבו. וחצוצרות התרועה אלו השופרות. תניא לא לחנם הלך פנחס למלחמה אלא ליפרע דין אבי אמו שנאמר (בראשית לז) והמדנים מכרו אותו אל מצרים למימרא דפנחס מיוסף קאתי והכתיב (שמות ו) ואלעזר בן אהרן לקח לו מבנות פוטיאל לו לאשה [מאי] לאו מיתרו קאתי שפיטם עגלים לע"ז לא מיוסף שפטפט ביצרו והלא שבטים מבזין אותו ראיתם בן פוטי זה שפיטם אבי אמו עגלים לעבודה זרה יהרוג נשיא (שבט) מישראל אלא אי אבוה דאמיה מיוסף אמא דאמיה

של זבל מחמת שאוכלין הרבה בגבורים: ש"מ: מדקאמר ושמא תאמר חולי מעיים הם: ליטרח בנפשיה. לבקש הרפואות בטרם יכבד עליו חוליו וכ"כ נמס. אמר להם ומה היא הבטחה זו שהבטיחן כי ה' אלהיכם ההולך ולא אמר כי ה' אלהיכם עמכם מה היא ההליכה זו דמשמע הולך ממש: שהשם וכל כינויו מונחים בארון. היוצא עמהם במלחמה: שפטפט ביצרו. אלול [וכבש] אותו ולא חטאו: והלא שבטים מבזין אותו. כדאמרינן בהאי הן

פרעגן ארויס גיין דאס מענטשליכע געברויך [בדערפעניש]. האבען זיא גימאכט בערג מיסט מיט זייער צואה טאמער ועסטו זאגין ווייל זייערע גידערים זענען קראנק גיוועו. שטייט אין פסוק אלע זענען גיוועו שטארקע מענטשין. רב מרי זאגט פון דאנען ווייסין מיר דער וואס פון אים גייט ארויס פיל צואה. זענען קראנק זיינע גידערים. צו וואס דארף מען דאס וויסען. ער זאל פרעגין ביי א דאקטאר און זאל זעהן באלד געזונד צו ווערין. אין פסוק שטייט דאגה בלב איש ישחנה. דער מענטש וואס האט זארג אין הארצין ישחנה. רב אמי און רב אסי קריגען איינער זאגט יסיחנה מדעתו. ער זאל ארויס שטויסין די זארג פון זינען. און זאל זיך בשעפטיגען מיט אנדערע זאכין. און איינער זאגט ער זאל די זארג דערציילען פאר אנדערע מענטשין וועלין זיא אים העלפין אפ צוא טאהן פון אים די זארג:

ו פיסקא. אבל. אבער איר זענט ניט אזוי. נאר אייער גאט גייט מיט אייך. דאס איז דיא מחנה וואס האבען גיטראגין דעם ארון. פאר וואס האט ער זייא דאס גידארפט זאגין. ווייל דער שם הוי"ה. דער נאמען פון גאט און אלע ביי נעמען זענען גילעגין אין ארון. דריבער האט ער זייא דאס גזאגט זייא זאלין וויסען די הייליגקייט פון דעם ארון. און אזוי שטייט אין פסוק וישלח אותם משה אלף למטה לצבא. אותם. זייא. מיינט מען די סנהדרין. און פינחס אויך וואס ער איז גיזאלבט גיווארין צו גיין אין דער מלחמה. כלי הקדש. דיא הייליגע כלים דאס מיינט מען דעם ארון און דיא לוחות וואס אין אים. און דיא חצוצרות. דאס מיינט מען דיא שופרות. מיר האבען גילערנט ניט אומזיסט איז פינחס גיגאנגען אין דער מלחמה. נאר ער איז גיגאנגען צו בצאהלין א שטראף דיא מדינים פאר זיין מוטערס פאטער. ווארום עס שטייט אין פסוק דיא מדינים האבען פארקויפט יוסף צו דיא מצריים. פרעגט דיא גמרא איז דען פינחס גיבאהרין פון יוסף. עס שטייט דאך אין פסוק אלעזר בן אהרן האט גנומען א ווייב פון פוטיאלס טעכטער. ווער איז פוטיאל געווים יתרו. פאר וואס רופט מען אים פוטיאל ווייל ער האט געפיטערט קעלבער צו דער עבודה זרה. איז דאך דיא מוטער פון פינחס גיוועזן פון יתרו. ניט פון יוסף. זאגט דיא גמרא ניין. דיא מוטער פון פינחס איז גיוועזן פון יוסף. ווארום פוטיאל מיינט מען יוסף. פאר וואס האט מען גירופין יוסף פוטיאל שפטפט ביצרו. ווייל ער האט גיוועלטיגט אויף דעם יצר הרע. פרעגט דיא גמרא די שבטים פלעגין דאך אים פארשעמען האט איר גיזעהן דער מענטש וואס זיין מוטערס פאטער האט געפיטערט קעלבער צו דיא עבודה זרה. זאל ער

ראמיה מיתרו ואי אמא דאמיה מיוסף אבוה ראמיה
מיתרו דיקא נמי דכתיב מבנות פוטיאל תרי משמע
ש"מ:

(דף מג) ז ת"ר (דברים כ) אשר בנה אשר נטע אשר
ארש למדך תורה ד"א שיבנה אדם
בית ויטע כרם ואחר כך ישא אשה. ואף שלמה אמר
בחכמתו (משלי כד) הכן בחוץ מלאכתך ועתדה בשדה לך אחר ובנית ביתך. הכן בחוץ מלאכתך
זה בית ועתדה בשדה לך זה כרם אחר ובנית ביתך זו אשה. ד"א הכן בחוץ מלאכתך זה
מקרא ועתדה בשדה לך זה משנה אחר ובנית ביתך זה הלמוד. ד"א הכן בחוץ מלאכתך
זה מקרא ומשנה. ועתדה בשדה לך זה תלמוד. אחר ובנית ביתך אלו מע"ט. ר"א בנו של
רבי יוסי הגלילי אומר הכן בחוץ מלאכתך זה מקרא ומשנה ותלמוד ועתדה בשדה לך
אלו מע"ט אחר ובנית ביתך דרוש וקבל שכר:

ח מתני' (דברים כ) ויספו השוטרים לדבר אל העם וגו' ר"ע אומר הירא ורך הלבב
כמשמעו שאינו יכול לעמוד בקשרי המלחמה ולראות חרב שלופה
רבי

כנגדפיה לפיכך הוצרך ליחסו פי' סגהם בן אלעזר בן
אהרן הכהן: תרי פוטי. מדלא כתיב פוטאל:
ועתדה בשדה לך. והכנה מלאכתך בשדה לך תלמוד
לחת כבגלה [והכין] בשעת המנחם
והלכה כדברי מי:
ויספו השוטרים. על דברי הכהן: בקשרי.
כשמתקשרים לעמוד גפופים שלא יפתחום
אויבים

דרגנן אנשיא פון דיא יודין. ועהן מיר דאך אז זיין מוטערס פאטער איז געוועזן יתרו. נאר פנחס
איז געוועזן פון בייד. פון יוסף אונ פון יתרו אויב זיין מוטערס פאטער איז געוועזן פון יוסף.
איז זיין מוטערס מוטער געוועזן פון יתרו. אונ אויב זיין מוטערס מוטער איז געוועזן פון יוסף: איז
זיין מוטערס פאטער געוועזן פון יתרו: זאגט דיא גמרא מיר זעהן פון פסוק אז עס איז אזוי.
ווארום עס שטייט אלעזר האט גינומען אוייב פון דיא טעכטער פון פוטיאל. מיינט מען פון
צוויא פוטיאלס. פון יוסף אונ פון יתרו:

ז תנו רבנן. דיא רבנן האבין גלערונט עס שטייט אין פסוק דער וואס האט געבאוט
אשטוב. אונ האט גפראנצט אוויין גארטין. אונ האט גנומען אוייב. דיא תורה לערונט דעם
מענטש וויא אזוי ער זאל זיך פירען פריער זאל ער באהען אשטוב. דער נאך זאל ער פלאנצען
אויינגארטין. דער נאך זאל ער נעמען אוייב. שלמה המלך מיט זיין חכמה האט גזאגט גרייט
אן אין דרויסען דיין ארבעט. דאס מיינט מען ער זאל באהען אשטוב. דו זאלסט אן גרייטין
אין פעלד פון דיינעטוועגין. דאס מיינט מען ער זאל פלאנצין אויין גארטין. דער נאך זאלסטו
באהען דיין שטוב. דאס מיינט מען ער זאל נעמען אוייב. אנדערע זאגין אזוי האט שלמה גימיינט
גרייט אן אין דרויסין דיין ארבעט. דאס מיינט מען ער זאל לערנען תנ"ך: אונ גרייט אן אין
פעלד פון דיינעטוועגין. דאס מיינט מען ער זאל לערנען משניות. דער נאך וועסטו באהען דיין
שטוב. דאס מיינט מען ער זאל לערנען גמרא. אנדערע זאגין אזוי האט שלמה גימיינט. גרייט
אן אין דרויסען דיין ארבעט. דאס מיינט מען ער זאל לערנען תנ"ך מיט משניות. אונ גרייט
אן אין פעלד פון דיינעטוועגין. דאס מיינט מען ער זאל לערנען גמרא. דער נאך וועסטו באהען
דיין שטוב. דאס מיינט מען מעשים טובים. רבי אליעזר דער זוהן פון רבי יוסי הגלילי זאגט
אזוי האט שלמה גימיינט גרייט אן אין דרויסין דיין ארבעט. דאס מיינט מען ער זאל לערנען
תנ"ך משניות גמרא: אונ גרייט אן אין פעלד פון דיינעטוועגין. דאס מיינט מען מעשים טובים.
דער נאך וועסטו באהען דיין שטוב. דאס מיינט מען דוא זאלסט לערנען דיא חכמה פון דער
תורה. אונ פאר דעם לערנען וועסטו האבען שכר:

ח מתניתין: דיא שוטרים זאלין רידין צום פאלק מער וויא דער כהן האט גירעט. זייא
זאלין זאגין דער וואס האט מורא אונ האט אווייך הארץ זאל ער גיין אהיים. רבי עקיבא זאגט
מורא אונ אווייך הארץ מיינט מען פראסט ער קען ניט שטיין ביי דיא זעלנער ווען זייא בינדען
זיך צוא זאמען זייא זאלין פעסט שטיין געגין דיא וואס וועלין אויף זייא שיסען. אונ ער קען ניט

רבי יוסי הגלילי אומר הירא ורך הלבב זהו המתירא מן העבירות שבידו לפיכך תלתה לו התורה את כל אלו שיחזור בגללן רבי יוסי אומר אלמנה לכ"ג גרושה וחלוצה לכהן הדיוט ממזרת ונתינה לישראל בת ישראל לממזר ולנתין הרי הוא הירא ורך הלבב:

ט והיה (דברים כ) ככלות השוטרים לדבר אל העם ופקדו שרי צבאות בראש העם בעקיבו של עם מעמידין זקיפין לפניהם ואחרים מאחוריהם וכשילין של ברזל בידיהן וכל מבקש לחזור הרשות בידו לקפח את שוקיו שתחלת ניסה נפילה שנאמר (ש"א ד) נס ישראל לפני פלשתים וגם מגפה גדולה היתה בעם ולהלן (ג"כ) הוא אומר (שם לא) וינוסו ישראל מפני פלשתים ויפלו חללים וגו' בד"א במלחמת הרשות אבל

אויביס: לפיכך. העבירה זהו הירא מעבירות הלם המורה בגם ונטע ואירס לחזור בגללן כדי שיתלה בכך החוזר ולא יתביים לומר מעבירות שבידו הוא ירא וחוזר: ר"י אומר וכו'. בגמרא מפרש במאי פליג אדרבי יוסי הגלילי:

בעקיבו של עם: בסופו של עם העומדים שלא יחזרו אחרונים לאחריהם לנוס:
מעמידין זקיפין מלפניהם. כראשם כנגד המלחמה מעמידים בני אדם גבו'רים ממונים לכך שאם יפול אחד מן המלחמים יעמידוהו ויזקפוהו ויגביכו את אבי כנגד כד:יהם: [ואחרים] ואגבים אחרים מאחריהם: וכשילין של ברזל בידיהן. לשמור שלא ינוסו וכשילין כעין תגין בקורן מריי"ם: שתחלת ניסה נפילה. בגמ' פריך איפכא מיבעי ליה שהניס:

זעהן קיין בלאנקע שווערדין. רבי יוסי הגלילי זאגט ער האט מורא אונ האט אווייך הארץ מיינט מען. ער האט אוויך הארץ ווייל ער האט מורא. אונ ער האט מורא ווייל ער ווייסט ער האט גיטאהן עבירות. נאר ווייל די תורה האט אים ניט גיוואלט פארשעמען. אז מען וועט זעהן ער גייט ניט אין דער מלחמה וועט מען דאך ווייסען אז ער האט עבירות. דריבער האט די תורה גיזאגט דער וואס האט גיבאהט אשטוב. אונ האט נאך ניט גיוואהנט אין איר. אונ דער וואס האט גיפלאנצט אווייננארטין אונ האט נאך ניט גיגעסין פון איר די פרוכטין. אונ דער וואס האט מקדש גיוועזן אאשה אונ האט נאך ניט חתונה גיהאט מיט איר. די דרייא ערליי מענטשין זאלין גיין אהיים. אונ דער וואס האט מורא פאר זיינע עבירות זאל אויך גיין אהיים. מען וועט אבער ניט ווייסען פאר וואס ער גייט אהיים. מען וועט זאגין ער גייט אהיים דורך זיין שטוב אדער דורך זיין ווייןגארטין אדער דורך זיין ווייב. רבי יוסי זאגט אפילו ער האט אקליינע עבירה. ער האט נאר עובר גיוועזן אלאו. למשל אכהן גדול האט חתונה גיהאט מיט אאלמנה. אדער אפראסטער כהן האט חתונה גיהאט מיט אגרושה אדער מיט אחלוצה. אדער אישראל האט חתונה גיהאט מיט אממזרת אדער מיט אטאכטער פון די גבעונים. אדער איודישע טאכטער האט חתונה גיהאט מיט אממזר אדער מיט איינעם פון די גבעונים. אונ ער האט מורא פאר די עבירה. הייסט ער הירא ורך הלבב. ער האט מורא אונ זיין הארץ איז ווייך. זיא שרעקט. מעג ער גיין אהיים:

ט והיה. אונ עס וועט זיין אז די שוטרים וועלין אויף הערין צוא רייהן צום פאלק זאל מען מאכען עלצטע איבער דעם פאלק. אין סוף אינטער די מחנה שטעלט מען שטארקע מענטשין. אונ פון פארנט פאר די מחנה שטעלט מען שטארקע מענטשין. אויב די מענטשין וואס זענען פון פארנט וועלין אן הייבען פאלען. זאל מען זייא אויף שטעלין. אונ די איבעריגע מענטשין זאל מען שטארקין מיט רייד. זייא זאלין בלייבען שטיין אויף זייער ארט. אונ זאלין זיך שטארקין צוא די מלחמה. אונ די מענטשין וואס זענען גישטאנען אינטער די מחנה האבען גי-אלטען אייזערנע העק אין זייערע הענט. אונ ווער עס האט גיוואלט אנטלויפען פון די מלחמה. האבען די מענטשין גימעגט אים אפ האקין די פיס. ווארום אנטלויפען איז איין אנהייב פון פאלען. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק די יודין זענען אנטלאפען פאר די פלשתים אונ אגרויסע מגפה איז גיוועזן אין פאלק. אונ דארטין שטייט די יודין זענען אנטלאפין פאר די פלשתים אונ עס זענען גיפאלען גיהרגתה. ווען זאגין מיר אז דער וואס האט מורא גייט צוריק פון דער מלחמה. אונ דער וואס האט גיבאהט אהויז אדער גיפלאנצט אווייננארטין אדער מקדש גיוועזן אאשה גייט ניט אין דער מלחמה. דאס איז נאר ביי אזא מלחמה וואס די יודין גייען

אבל במלחמת מצוה הכל יוצאים אפילו חתן מחדרו וכלה מחופתה א"ר יהודה בד"א במלחמת מצוה אבל במלחמת חובה הכל יוצאים ואפילו חתן מחדרו וכלה מחופתה:

עגלה ערופה פרק תשיעי

(דף מה ע"ב) א **משנה** מאין היו מודדין ר' (אלעזר) [אליעזר] אומר מטבורו רבי עקיבא אומר מחוטמו ר' (אלעזר) [אליעזר] בן יעקב אומר ממקום שנעשה חלל מצוארו.

גמ' במאי קא מיפלגי מ"ס עיקר חיותא באפיה הוא ומ"ס עיקר חיותא בטבורו הוא לימא כי הני תנאי מהיכן הולד נוצר מראשו וכה"א (תהלים עא) ממעי אמי אתה גוזי ואומר (ירמיה ז) גזי נזרך והשליכי אבא שאול אומר מטבורו ומשלח שרשיו אילך ואילך אפילו תימא אבא שאול עד כאן לא קאמר אבא שאול התם אלא לענין יצירה [דכי מיתצר ולד ממציעתיה מיתצר] אבל לענין נשמה דכ"ע באפיה הוא שנאמר (בראשית ז) כל אשר נשמת

היא תחלת הנפילה : בד"א : שחוזרים מן המערכה ויש שאינן זזין ממקומן במלחמת הרשות : אבל במלחמת מצוה · כגון כיבוש א"י בימי יהושע הכל יוצאין : ר' יהודה אומר וכו'. מפרש בגמרא : עיקר חיותא כו'. הילכך עיקר הגוף מיקרי ומודדין מיניה כדכתיב אל העיר אשר סביבות החלל : אתה גוזי. [אתה] מראש כי יוצרת ראשי התחלה דגוזי לישנא דרישא היא דכתיב גזי חק שער ראשך הגזי וגל ראשך : אפילו תימא אבא שאול. כו"ע

פאר בריטערין זייער לאנד. אבער ביא די מלחמה וואס דיא יודין זענען געגאנגען מיט יהושע איין געמען ארץ ישראל. גייען אלע אין דיא מלחמה. אפילו אחתן גייט ארויס פון זיין חדר און אכלה גייט ארויס פון איר חופה. רבי יהודה זאגט נאר ביי אמלחמה וואס עס איז אמצוה זענען דא מענטשין וואס גייען ניט אין דיא מלחמה. אבער ביי דיא מלחמה וואס עס איז אמוז. גייען אלע אין דיא מלחמה. אפילו אחתן גייט ארויס פון זיין חדר און אכלה גייט ארויס פון איר חופה:

פרק תשיעי

א משנה. דער דין איז אז מען געפינט אגיהרגתין מענטש אין פעלד און מען ווייס ניט ווער עס האט אים גיהרגת. זאל מען מעסטין פון דעם גיהרגתין ביז צוא דיא שטעט וואס ארום דעם גיהרגתין. און וועלכע שטאט עס איז דיא נענטעסטע זאל זיא ברייגגען אקאלב. און מען זאל איר אפ האקין דעם קאפ אזוי וויא עס שטייט אין דיא סדרה שופטים. זאגט די משנה פון וועלכין ארט זאל מען מעסטין. רבי אליעזר זאגט פון נאפיל. רבי עקיבא זאגט פון נאז. רבי אליעזר בן יעקב זאגט פון דעם ארט וואס דער מענטש ווערט גיהרגת דאס איז דיא האלדז. פון דארט זאל מען מעסטין. פרעגט דיא גמרא אין וואס קריגען דיא צוויי תנאים. רבי עקיבא האלט דאס מערסטי לעבונג איז אין דיא נאז. רבי אליעזר האלט דאס מערסטע לעבונג איז אין דעם נאפיל. זאגט דיא גמרא וועלין מיר זאגין אז דיא וואס קריגען האלטען וויא דיא תנאים. ווארום מיר האבען גילערונט פון וועלכין ארט הייבט אן דאס קינד בשאפען צוא ווערין ביי דיא מוטער אין בויך. פון קאפ. און אזוי שטייט אין פסוק ממעי אמי אתה גוזי. פון דיא גידערים פון מיין מוטער ביסטו מיין קאפ צוא הערשט בשאפען גיווארין. פון וואנען ווייסען מיר אז גוזי מיינט מען דעם קאפ. ווארום עס שטייט אין פסוק גזי נזרך והשליכי. פליק אויס די האר פון דיין קאפ און ווארף זייא אוועק. אבא שאול זאגט דאס קינד ווערט בשאפען פון דעם נאפיל און זייגע ווארצלען פאר שפרייטין זיך אהער און אהער. פון דעם נאפיל וואקסט ער צום קאפ און צוא דיא פיס. דער תנא וואס האלט אז ער ווערט בשאפען פון קאפ. האלט ער ווי רבי עקיבא אז דאס לעבין פון מענטשין איז אין קאפ. און אבא שאול האלט וויא רבי אליעזר אז ער ווערט בשאפען פון נאפיל. און דאס לעבין איז אויך אין נאפיל. זאגט דיא גמרא מען קען זאגין אז אבא שאול האלט וויא רבי עקיבא. אבא שאול זאגט נאר גענין בשאפען. אז דס קינד ווערט בשאפען. ווערט ער בשאפען פון מיטען. פון נאפיל. אבער גענין דיא נשמה האלטען

נשמת רוח חיים באפיו. רבי (אלעזר) [אליעזר] בן יעקב אומר ממקום שנעשה חלל מצוארו מ"ט דרבי (אלעזר) [אליעזר] בן יעקב דכתיב (יחזקאל כא) לתת אותה על צוארי חללי רשעים:

(דף מו) **ב תניא** א"ר יוחנן בן שאול מפני מה אמרה תורה הבא עגלה בנחל אמר הקב"ה יבא מי שלא עשה פירות ויערף במקום שאין עושה פירות ויכפר על מי שלא הניחוהו לעשות פירות. הי פירות אילימא פריה ורביה אלא מעתה אזקן ואסרים הכי נמי דלא ערפינן אלא אמצות:

(דף מה ע"ב) **ג משנה** זקני אותה העיר רוחצין את ידיהם במים על מקום עריפתה של עגלה ואומרים (דברים כא) ידינו לא שפכו את הדם הזה ועינינו לא ראו וכי על לבנו עלתה שזקני ב"ד שופכי דמים הם אלא לא בא לידינו ופטרנוהו (ולא ראינוהו והחנוהו. תנא לא בא לידינו ופטרנוהו) בלא מזונות ולא ראינוהו והנחנוהו בלא לויה (דף מו) והכהנים אומרים כפר לעמך ישראל אשר

סנילה נ' : פ"ס דר' (אלעזר) [אליעזר] בן יעקב. דאמר מן הצואר הוא קרוי חלל: דכתיב על צוארי חללי רשעים. הילכך ממנו היו מודדין כדכתיב אל החלל:

אין עושה פירות. עגלה בת שנתה לא ילדה: במקום שאין עושה פירות. נחל איתן קשה: שלא הניחוהו. שהרגוהו:

לא בא לידינו ופטרנוהו וכו. בגמ' מפ' בלא מזונות והיינו ידינו לא שפכו לא נהרג על ידינו שפטרנוהו בלא מזונות והולך ללסטם את הבריות ועל כך נהרג: ולא ראינוהו והנחנוהו. יחידי בלא חבורה והיינו ועינינו לא ראו: הכהנים אומרים. כדכתיב לעיל ונגשו הכהנים וגו' ולא פירש על מה הם נגשים: שאין ת"ל ונכפר. כלומר ונכפר דכתיב בקרא לאו אוטעו ואמרו קאי שיהא אף זה בכלל אמירה אלא מלתא באפי נפשה הוא שרוה"ק בשרה את ישראל על יד משה רבינו להשיעו כך ונכפר להם הדם:

פון די וויסטע שטובין אונ ער שטויסט אזוי וויא אאקס: רב הונא זאגט דעם געזאנג וואס די שיפערס זינגען ווען זייא ציהען די שיף. אונ דעם געזאנג וואס די האקער לייט זינגען ווען זייא האקערן: דאס מעג מען וויל זייער געזאנג איז נאר מען זאל פלייסיג ארבעטין. אונ וואס די וועבערס זינגען טאר מען ניט. וויל זייער געזאנג איז נאר ליצנות. אונ גילעכטערס: רב הונא האט גוזר געוועזן מען זאל ניט זינגען אין די שטובין. אונ ניט אין די ווין הייזער. איז געווארין הונדערט גענדז פאר אגילדין: אונ הונדערט סאה ווייץ פאר אגילדין: אונ מען האט נאך ניט געוואלט קויפין פאר דעם געלט: דער נאך איז רב חסדא גיקומען אונ האט גרינג גימאכט. ער האט ניט גישטערט אז מען האט יא געזונגען. האט מען געוואלט געבין אגילדין פאר איין גאנדז: אונ מען האט קיין גאנדז ניט בעקומען צום קויפין. רב יוסף זאגט אז זכרים זינגען. אונ נקבות ענטפערין. זייא זינגען נאך. איז דאס אפארשיידנקייט. אבער אז נקבות זינגען אונ זכרים ענטפערין. זייא זינגען נאך. איז דאס אזוי וויא פייער אין פלאקס. וועט דאך געוויס ברענען: אזוי דא וועט אויך דער יצר הרע געוויס ברענען אין די מאנסלייט אונ זייא וועלין מזנה זיין. פרעגט די גמרא אפילו עס איז נאר אפארשיידנקייט טאר מען דאך אויך ניט. ענטפערט די גמרא מען דארף ביידע שטערין. נאר אז מען קען ניט ביידע שטערין. זאל מען שטערי דעם געזאנג פון ווייבער. נאר די זכרים זאלין זינגען אונ די ווייבער זאלין נאך זינגען. רבי יוחנן זאגט דער וואס טרינקט ווין ווען מען שפילט אויף די פיר ערליי כלים. ברייננט ער פינף ערליי שטראף אויף די וועלט. ווארום עס שטייט אין פסוק דער נביא זאגט הוי זייא שטייען אויף פריא אונ זוכען וואו מען קריגט אלטען ווין. אונ וואו מען שפילט אויף די פיר כלים כנור נבל תוף חליל. אונ זייא זיצען אונ טרינקען ווין. וואס שטייט דער נאך אין אנדערין פסוק דריבער וועט פארטריבען ווערין מיין פאלק ווייל זייא ווייסין מיך ניט. זייא וועלין ברייננען גלות אויף דער וועלט. אונ זייא וועלין זיין מענטשין פון הונגער. זייא וועלין ברייננען הונגער אויף דער וועלט. אונ זייא וועלין זיין טרוקען פון דארשט. זייא וועלין ברייננען אז די תורה וועט פארגעסין ווערין פון די וואס לערנען זיא. ווייל די תורה איז געגליכען צו וואסער. וישח אדם וישפל איש. זייא וועלין ברייננען דער צוא אז גאט זאל נידעריג ווערין. ווארום איש מיינט מען גאט אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ה' איש מלחמה. ואז די יודין זענען זינדיג אונ זייא זענען אין גלות אונ ווערין גיפייניגט מיינט מען אז גאט קען זייא ניט העלפין. ווערט דאך גאט נידעריט. אונ די אויגין פון די הויכע וועלין נידעריג ווערין. זייא וועלין ברייננען דער צוא אז די יודין וועלין נידעריג ווערין. אונ וואס שטייט נאך די פינף פורעניות דריבער האט דער גיהנם זיך

שגורמים שפלות לשונאיהם של ישראל ומה כתיב אחריו לכן הרחיבה שאול נפשה וגו׳:

(ע״ב) יג פיסקא משמתו נביאים הראשונים בטלו אורים ותומים. מאן נביאים הראשונים [א״ר הונא] שמואל ודוד ושלמה רב נחמן אמר בימי דוד זמנין סליק זמנין לא סליק שהרי שאל צדוק ועלתה לו [שאל] אביתר ולא עלתה לו שנאמר (ש״ב טו) ויעל אביתר מתיב רבה בר שמואל (ד״ה ב כו) ויהי לדרוש אלהים בימי זכריהו המבין בראות האלהים מאי לאו באורים ותומים לא בנביאות ת״ש משחרב בהמ״ק ראשון בטלו ערי מגרש ופסקו אורים ותומים ופסק מלך מבית דוד ואם לחשך אדם לומר (עזרא ב) ויאמר התרשתא להם אשר לא יאכלו בקדש הקדשים עד עמוד הכהן לאורים ותומים [אמור לו] כאדם שאומר לחבירו עד שיחיו מתים ויבא משיח בן דוד אלא אמר רב נחמן מאן

גמורה: הרחיבה שאול נפשה. לאחר שהביאו ה׳ פורעניות כללו לעולם סופה נופלים בגיהנם:
זמנין סליק. פעמים עלה בידם שנענו ופעמים שלא עלה בידם שהרי כשברח דוד מפני אבשלום ויצא מירושלים שאל צדוק באורים ותומים ועלתה לו שהשיבוהו ושאל אביתר ולא עלתה לו שנא׳ ויעל אביתר הכהן עד תם וגו׳ שנסתלק מן הכהונה מפני שלא נענה באורים ותומים והכי תניא בס״ע גבי ארון ובברחו מפני אבשלום בנו יצא עמו עד שעלה במעלה הזיתים ושאל באורים ותומים ונסתלק אביתר מן הכהונה הגדולה ונכנס צדוק תחתיו כדכתיב ויאמר המלך לצדוק השב את הארון וגו׳: כל ימי זכריהו. בן יהוידע שהיה בימי יואש: ערי מגרש. ערי לוים שהטעינן הכתוב מגרשות: עד עמוד הכהן וגו׳. אלמא היו אורים ותומים בבית שני: אמור לו. לא שהיו אורים ותומים אלא כאדם האומר

דער בריטערט. צו ווייזן אז אויסער דעם וואס דער מענטש ווערט געשטראפט אויף דער וועלט ווערט ער נאך געשטראפט אין גיהנם אויך.

יג פיסקא. משמתו: ווייא דיא ערשטע נביאים זענען געשטארבן. האבען אויף געהערט דיא אורים ותומים צו זאגין וואס עס וועט זיין. ווער זענען געוועזן דיא ערשטע נביאים. רב הונא זאגט שמואל אונ דוד אונ שלמה. רב נחמן זאגט אין דיא צייט פון דוד אמאהל האבען די אורים ותומים געענפערט. אונ אמאל האבען זייא ניט געענפערט. ווארום צדוק האט געפרעגט בייא דיא אורים ותומים. האט מען אים געענפערט. אונ אביתר האט געפרעגט בייא דיא אורים ותומים. אונ מען האט אים ניט געענפערט. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ויעל אביתר. אביתר איז אפגעטאהן געווארין פון דיא כהונה ווייל מען האט אים ניט געענפערט. רבה בר שמואל האט געפרעגט עס שטייט אין פסוק עס איז געוועזן צו פארשטין גאט אין דיא צייט פון זכריה וואס ער האט פארשטאנען אין דיא זעהונג פון גאט. וואס מיינט מען דיא זעהונג פון גאט געוויס דעם אורים ותומים. זעהן מיר דאך אז דער אורים ותומים האט געענפערט נאך דיא נביאים אויך. ענפערט דיא גמרא די זעהונג פון גאט מיינט מען נביאות. פרעגט דיא גמרא מיר האבען געלערנט ווען דער ערשטער בית המקדש איז חרוב געווארין איז בטל געווארין דיא שטעט פון דיא לוים מיט דיא ליידיגע פלעצער וואס דיא לוים האבען געהאט ארום זייערע שטעט אונ דיא אורים ותומים האבען אויף געהערט צו ענפערין. אונ עס האט אויף געהערט דיא מלוכה פון דוד המלך׳ס משפחה. אונ אויב אמענטש וועט דיר וועלין זאגין עס שטייט דאך אין פסוק התרשתא האט געזאגט צו זייא זייא זאלין ניט עסין קיין קדשי קדשים ביז דער כהן וועט אויף שטיין צום אורים ותומים. זעהן מיר דאך אז בייא דעם אנדערין בית המקדש איז אויך געוועזן אורים ותומים. זאלסטו אים ענפערין דאס איז אזוי וויא איינער זאגט צו זיין חבר ביז דיא מתים וועלין לעבעדיג ווערין אונ משיח בן דוד וועט קומען. אזוי האט התרשתא געמיינט ביז עס וועט אמאהל זיין אאורים ותומים אונ דער כהן וועט שטיין נעבין אים. אבער דיא גאנצע צייט וואס דער ערשטער בית המקדש איז געשטאנען איז געוועזן דער אורים ותומים. איז דאך אקשיא אויף רב הונא וואס ער זאגט אז דער אורים ותומים איז נאר געוועזן ביז שלמה איז געשטארבין. זאגט רב נחמן דער אורים ותומים איז טאקי געוועזן דיא גאנצע צייט וואס דער ערשטער בית המקדש איז געשטאנען. אונ אלע נביאים וואס זענען געוועזן אין דער צייט פון ערשטין בית המקדש ביז חגי זכריה מלאכי. ווערין גערופין דיא ערשטע נביאים. נאר חגי זכריה מלאכי

מאן נביאים הראשונים לאפוקי חגי זכריה ומלאכי דאיקרו אחרונים דתניא משמתו נביאים האחרונים חגי זכריה ומלאכי נסתלקה רוח הקדש מישראל ועדיין היו משתמשין בבת קול וכו':

יד פיסקא בטל השמיר ת"ר שמיר שבו בנה שלמה את בהמ"ק שנאמר (מ"א ו) והבית בהבנותו אבן שלמה מסע נבנה וגו' דברים ככתבן דברי רבי יהודה א"ל רבי נחמיה וכי אפשר לומר כן והלא כבר נאמר (שם ז) **כל אלה** אבנים יקרות במדות גזית ומגוררות במגרה מבית ומבחוץ אלא מאי **לא נשמע בבית** בהבנותו שהיה מתקנן מבחוץ ומכניסן מבפנים אמר (רב נחמן) [רבי] נראין דברי רבי יהודה באבני מקדש ונראין דברי רבי נחמיה באבני ביתו ולר' נחמיה **שמיר למה לי** לאבני אפוד כדתניא אבנים הללו אין כותבין עליהם בדיו משום שנאמר (שמות כח) פתוחי חותם ואין מסרטין עליהם באיזמל [משום] שנאמר (שם) במלואותם **(הא כיצד)** [אלא] כותבין עליהם בדיו ומביא שמיר ומראה להם מבחוץ והם **מתבקעים** מאליהם כתאנה שמתבקעת בימות החמה ואינה חסרה כלום [וכבקעה **זו** שנבקעת

לאפוקי וכו' דאמרי כל ימי מקדש ראשון היו : דאיקרו. דהני זכריה ומלאכי נקראו אחרונים : דברים ככתבם . כמשמען אבן שלמה מסע כמות שהוסעו מן ההר ולא סתתום עוד בכלי ברזל : והלא כבר נאמר . מגוררות במגרה וגו' : שמיר למאי אתא דאמרינן במסכת גיטין שהביאו ע"י אשמדאי מלכא דשידי : אבנים הללו . של אפוד וחשן : פתוחי . הקק משמע : במלואותם . שיהו שלמות שלא יהו חסרים מאן כלום : ומראה להם :

וֶוערִין גֶערוּפִין דִיא לֶעצְטֶע נְבִיאִים . וָוארוּם מִיר הָאבֶּען גִילֶערוּנְט וִויא דִיא לֶעצְטֶע נְבִיאִים זֶענֶען גִישְׁטָארְבִּין . דָאס אִיז חַגַּי זְכַרְיָה מַלְאָכִי . אִיז אָפְּגִיטָאהן גִיוָוארִין דֶער רוּחַ הַקֹּדֶשׁ פוּן דִי יִדִין . נָאר זַייא הָאבֶּען נָאךְ גֶענִיצְט מִיט אַבַּת קוֹל :

יד פִּיסְקָא . בָּטֵל הַשָּׁמִיר . דִיא רַבָּנָן הָאבֶּען גִילֶערוּנְט דֶער שָׁמִיר וָואס מִיט אִים הָאט שְׁלֹמֹה גִיבָּאהט דֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ . אַזוֹי וִויא עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק אוּנ דִיא שְׁטוּב וֶוען זִיא אִיז גִיבָּאהט גִיוָוארִין אִיז זִיא גִיבָּאהט גִיוָוארִין מִיט גַאנְצֶע שְׁטֵיינֶער אַזוֹי וִויא מֶען הָט זֵיי אַרוֹים גִיצוֹיגֶען . רַבִּי יְהוּדָה זָאגְט אַזוֹי וִויא עֶס אִיז גֶעשְׁרִיבֶּען . אַזוֹי אִיז גִיוֶוען . מֶען הָאט דֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ גִיבָּאהט מִיט גַאנְצֶע שְׁטֵיינֶער אַזוֹי וִויא מֶען הָאט זֵייא אָפּ גִיהַאקְט פוּן בַּארְג . אוּנ מֶען הָאט זֵייא נִיט אַרוֹם גִיהַאקְט צוּם פַאר גְלַייכֶען : הָאט רַבִּי נְחֶמְיָה גִזָאגְט צוּא רַבִּי יְהוּדָה קֶען דֶען אַזוֹי זַיין . עֶס שְׁטֵייט דָאךְ אִין פָּסוּק דִיא אַלֶע זֶענֶען גִיוֶוען טַייֶערֶע שְׁטֵיינֶער אַזוֹי וִויא דִי מָאס פוּן גִיהַאקְטֶע שְׁטֵיינֶער . אוּנ זֵייא זֶענֶען גִיוֶוען אַרוּמְגִיזֶעגְט מִיט אַזֶעג . אַזֶעלְכֶע שְׁטֵיינֶער וֶוענֶען אִינְוֶוייניג אוּנ אוֹים וֶוייניג . נָאר וָואס דֶען שְׁטֵייט אִין פָּסוּק קֵיין אַייזֶערְנֶע כֵּלִי אִיז נִיט גִיהֶערְט גִיוָוארִין אִין שְׁטוּב וֶוען מֶען הָאט אִים גִיבָּאהט . וַוייל מֶען הָאט גִיזֶעגְט דִיא שְׁטֵיינֶער אוֹיס וֶוייניג אוּנ מֶען הָאט זֵייא אַריין גִיטְרָאגֶען גִיזֶעגְטֶע אִינְוֶוייניג . הָאט רַבִּי גִזָאגְט בַּייא דִיא שְׁטֵיינֶער פוּן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ גִיפֶעלְט מִיר דִיא רֵייד פוּן רַבִּי יְהוּדָה . אַז מֶען הָאט זֵייא נִיט אַרוֹם גִיהַאקְט אוּנ נִיט אַרוֹם גִיזֶעגְט . אוּנ בַּיי דִיא שְׁטֵיינֶער פוּן שְׁלֹמֹהס שְׁטוּב גִיפֶעלְט מִיר דִיא רֵייד פוּן רַבִּי נְחֶמְיָה אַז זֵייא זֶענֶען גִיוֶוען אַרוֹם גִיזֶעגְט . פְרֶעגְט דִיא גְמָ"א נָאךְ רַבִּי נְחֶמְיָה צוּא וָואס הָאט מֶען גִידַארְפְט דֶעם שָׁמִיר . עֶנְטְפֶערְט דִיא גְמָרָא צוּא דִיא שְׁטֵיינֶער פוּן אֵפוֹד הָאט מֶען גִידַארְפְט דֶעם שָׁמִיר . אַזוֹי וִויא מִיר הָאבֶּען גִילֶערוּנְט דִיא שְׁטֵיינֶער פוּן חֹשֶׁן אוּנ פוּן אֵפוֹד הָאט מֶען נִיט גֶעשְׁרִיבֶּען אוֹיף זֵייא מִיט טִינְט . וַוייל דֶער פָּסוּק זָאגְט זֵייא זָאלִין זַיין גֶעקְרִיצְט וִויא אַחְתִימָה . אוּנ מֶען קְרִיצְט נִיט אוֹיף זֵייא מִיט אַמֶעסֶערִיל . וַוייל דֶער פָּסוּק זָאגְט בְּמִלּוּאוֹתָם . אִין זֵייעֶר דֶער פִילוּנְג . עֶס זָאל פוּן דִיא שְׁטֵיינֶער גָאר נִיט פֶעלִין . אוּנ אַז מֶען וֶועט קְרִיצֶען אִין דֶעם שְׁטֵיין וֶועט דָאךְ פֶעלִין . נָאר אַזוֹי הָאט מֶען גִיטָאהן מֶען הָאט גֶעשְׁרִיבֶּען אוֹתִיוֹת מִיט טִינְט אוֹיף דֶעם שְׁטֵיין . אוּנ מֶען הָאט גִיבְּרַאכְט דֶעם שָׁמִיר אוּנ מֶען הָאט גִיהַאלְטֶען דֶעם שָׁמִיר אִיבֶּער דִיא אוֹתִיּוֹת הָאט זִיךְ דֶער שְׁטֵיין גִישְׁפָּאלְטִין אַזוֹ וִויא דִיא אוֹתִיּוֹת זֶענֶען גִיוֶוען . אַזוֹ וִויא אַפֵייג וָוס וֶוערְט גִישְׁפָּאלְטִין אוּמְזוּמְר אוּנ עֶס

שנבקעת בימות הגשמים ואינה חסרה כלום] . ת"ר שמיר זה ברייתו כשעורה ומששת ימ"ב נברא ואין כל דבר קשה יכול לעמוד בפניו וכיצד מצניעין אותו כורכין אותו בספוגין של צמר ומניחין אותו באיסוני של אבר מלאה סובין שעורין :

טו פיסקא ופסקו אנשי אמנה מאי אנשי אמנה א"ר יצחק אלו בני אדם המאמינים בהקב"ה דתניא ר"א הגדול אומר מי שיש לו פת בסלו ואומר מה אוכל למחר אינו אלא מקטני אמנה והיינו דא"ר אלעזר מ"ד (זכריה ד) כי מי בז ליום קטנות מי גרם לצדיקים שיתבזבז שלחנם לע"ל קטנות שהיתה בהם שלא האמינו בהקדוש ב"ה רבא אמר אלו קטנים בני רשעי ישראל שמבזבזים דין אביהם לע"ל אומר לפניו רבש"ע מאחר שאתה עתיד ליפרע מהם למה אתה הקהית שיניהם בם :

טז א"ר אליעא בר ברכיה אלמלא תפלתו של דוד היו כל ישראל סוכרי רבב שנאמר (תהלים ט) שיתה ה' מורה להם ידעו גוים אנוש המה סלה . וא"ר

פירוש

שמיר. על פני האבן מהלך באות : באיסוני של אבר. גובתא מש"א בלע"ז :
מאמינים בהקב"ה. בוטחין בו לוותר ממונם לבני סידור מצוה ולצדקה ולהוצאות שבתות וימים טובים : שיתבזבז שולחנם לע"ל. שאין מקבלין שכר שלהם והכי משמע כי מי בז ליום הבאת את הצדיקים : קטנות. קטני אמנה : קטני בני רשעי ישראל. שמתו כשהן קטנים : שמבזבזין דין אביהם : קורעין דין אביהם כשבאין לדונם אומרין לפניו כו' : הקהית שיניהם בם. למה האכלתם ונענשים עלינו ברעתנו ונפרעת מהם בחייהם :
סוכרי רבב. עניים : רבב. הוא דבר מאוס כמו חלב ושומן ונדבק בבגדיהם ומאסין ואין לך אדם מתעסק בהם אלא עני : שיתה ה' מורה להם. לעיל מיניה כתיב כי לא לנצח ישכח אביון

פעלט פון איר גאר ניט . אונ אזוי וויא אטאהל וואס ווערט גישפאלטען אום ווינטער אונ עס פעלט פון איר גאר ניט . דיא רבנן האבען גילערונט דער שמיר איז גרויס אזוי וויא אגערשט . אונ ער איז בשאפען גיווארין אין דיא ערשטע זעקס טעג ווען דיא וועלט איז בשאפען גיווארין . אונ קיין הארטע זאך קען ניט בלייבען שטיין פאר אים . נאר עס ווערט באלד צוא שפאלטין . אונ וויא אזוי בעהאלט מען אים . מען וויקולט אים איין אין שטיקער וואל . אונ מען לייגט אים אריין אין אבלייענע רער . וואס דיא רער איז פול מיט גערשטענע קלייען :

טו פיסקא . ופסקו . עס האבען אויף גיהערט צוא זיין אמתה מענטשין . וואס מיינט מען אמתה מענטשין . רבי יצחק זאגט מען מיינט עס האבען אויף גיהערט צוא זיין מענשין וואס זאלין אמת גלויבען אין גאט אונ זאלין זיך אמת פר זיכערין אויף גאט . אוים צוא געבין געלט צו בשיינען אמצוה . אונ צוא געבין צדקה . אונ אוים צוא געבין געלט אויף שבת אונ יום טוב . ווארום מיר האבען גילערונט רבי אליעזר הגדול האט גזאגט דער וואס האט ברויט אויף היינט צוא עסין . אונ ער זארגט אונ פרעגט וואס וועל איך עסין מארגין . גלויבט ער ווייניג אין גאט . דאס איז וואס רבי אלעזר האט גזאגט עס שטייט אין פסוק כי מי בז ליום קטנות . ווער האט גירויבט דעם טאג דיא קליינקייט . ווער האט גיבראכט דיא צדיקים אז זייער טיש זאל גירויבט ווערין ווען משיח וועט קומען . זייערע קליינקייט . ווייל זייא זענען גיוועזען קליין אין גלויבען . זייא האבען ניט גיגלויבט אין גאט מיט זייערע גאנצע הארץ . רבא זאגט דער פסוק מיינט דיא קליינע קינדער פון דיא יודישע רשעים וואס זענען גישטארבין . וואס זיי צו רויבין זייא צוא רייסען דעם גזר פון זייער פאטער אז משיח וועט קומען . דיא קינדער זאגין פאר גאט רבונו של עולם אז דוא האסט גיוואוסט דו וועסט זייא שטראפין אז משיח וועט קומען . צוא וואס האסטו היילוג גימאכט זייערע ציין . צוא וואס האסטו זייא גישטראפט מיט אונזער שטארבין . אז דוא האסט זייא שוין גישטראפט ווען זייא האבען גילעבט מיט אונזער שטארבין . דארפסטו זייא שוין ניט מער איצט שטראפין :

טז אמר . רבי איליעא בר ברכיה האט גזאגט ווען ניט דיא תפלה פון דוד וואלטין אלע יודין גיוועזען ארעמע לייט אונ וואלטין מוזין האנדלען מיט מיאוסה זאכען אזוי וויא חלב אונ פעטס . ווארום עס שטייט אין פסוק שיתה ה' מורה להם . דוד האט גיבעטין בייא גאט גיב צוא דיא יודין אהערשאפט . זייא זאלין אויך רייך ווערין . דיא פעלקער זאלין וויסען אז זיי זענין

וא"ר אליעא בר ברכיה אלמלא תפלתו של חבקוק היו שני ת"ח מתכסים בטלית אחד ועיסקים בתורה שנאמר (חבקוק ג) ה' שמעתי שמעך יראתי ה' פעלך בקרב שנים חייהו א"ת בקרב שנים אלא בקירוב שנים. ואמר רבי אילעא בר ברכיה שני ת"ח המהלכים בדרך ואין ביניהם ד"ת ראוין לישרף שנאמר (מ"ב ג) ויהי המה הולכים הלוך ודבר והנה רכב אש וסוסי אש ויפרידו בין שניהם ויעל אליהו בסערה השמימה וגו' טעמא דאיכא דבור הא ליכא דבור ראוין לישרף. וא"ר אילעא בר ברכיה שני ת"ח הדרין בעיר אחת ואין נוחין זה לזה בהלכה אחד מת ואחד גולה שנאמר (דברים ד) לנוס שמה רוצח אשר ירצח את רעהו בבלי דעת ואין דעת אלא תורה שנאמר (הושע ד) נדמו עמי מבלי הדעת. אמר רבי יהודה ברי' דר' חייא כל העוסק בתורה מתוך

חקות. מניין שהלכה לעד: שיהא ה' מורה להם תן להם מרות לאותן עניים עושר שיהיו הכותים נוהגים בהם כבוד וידעו הכותים שהב' אתה ואינם יודעים שאין כל הכבוד וגדולה שלהם: מתכסין בטלית אחד'. מרוב עוני: בקרב שנים. אותה פעולה שלך דהיינו ד"ת שהיא בקירוב שנים שנים (רולים) [צריכין] להתקרב כאחד בכסוי אחד: חייהו. רפאהו והכוות להם ותן להם חיותם: המה הולכים הלוך ודבר. בד"ת באליהו ובאלישע כתיב: ראוין לישרף. שעל מנת כן בא רכב אש עליהם: א' מת. ע"י חבירו שהרגו בשוגג: וא' גולה. לערי מקלט וא"כ מיתה סימן למיתה וגלות סימן לגלות שא' מת ואחד גולה: בבלי דעת. על שלא היה להם דעת להיות מלמדים זה את זה ולמדין זה מזה: נדמו עמי. כיפא

אייביג נאר מענטשין. און ניט קיין געטער. אגאט איז דא איינער אויף דיא גאנצע וועלט אויף יודין און אויף גוים. וועמען ער וויל מאכט ער רייך און וועמען ער וויל מאכט ער ארעם. נאך האט רבי אילעא בר ברכיה גזאגט ווען ניט דיא תפלה פון חבקוק הנביא וואלטין צוויא תלמידי חכמים גיוועזן צו גידעקט מיט איין קלייד און וואלטין גילערונט תורה. אזו ארעם וואלטין דיא תלמידי חכמים גיוועזן. ווארום עס שטייט אין פסוק חבקוק האט גזאגט גאט איך האב גיהערט דיין הערונג און איך האב מורא. ה' פעלך בקרב שנים חייהו. דו זאלסט ניט לייגען בקרב שנים. נאר זאלסט לייגען בקירוב שנים: דער פסוק מיינט פעלך דיין ווערק דאס איז דיא תורה. בקרב שנים. וואס איצט מזין זיצען און לערנען צוויי תלמידי חכמים איינער נאנט צום אנדערין. וויל זייא זענען ביידע צוא גידעקט מיט איין קלייד: חייהו. גיב זייא זייער דער נערונג. זייא זאלין האבען גענוג פרנסה. זייא זאלין ניט זיין אזוי ארעם. נאך הט רבי אילעא בר ברכיה גזאגט. צוויא תלמידי חכמים וואס גייען אין וועג און זייא ריידין ניט פון דר תורה. זענען זייא ווערט מען זאל זייא פאר ברענען. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ווען זייא ואלישע מיט אליהו זענען גיגאנגען און האבען גירעט (פון דער תורה) איז אראפ גיקומען אפייערדיגער ווייטוואגין מיט פייערגע פערד און האבען אפ גישיידט איינעם פון אנדערין און אליהו איז ארויף מיט אשטורעם אויף דעם הימעל. דאס איז נאר גיוועזן ווייל זייא האבען גירעט פון די תורה. דריבער זענען זייא ניט פאר ברענט גיווארין. אבער אז זייא וואלטין ניט גירעט פון די תורה וואלטין זייא פאר ברענט גיווארין: נאך האט אילעא בר ברכיה גזאגט צווייא תלמידי חכמים וואס וואוינען אין איין שטאט. און אז מען דארף קלערין אין אדין זענען זייא ניט גוט איינער מיט דעם אנדערין. דער וויל דער דין זאל זיין וויא ער זאגט. און דער וויל דער דין זאל זיין וויא ער זאגט און זייא ווילען ניט קלערין ביידע צו זאמען מיט גוטען זייא זאלין מיסען דעם אמת. ווארום יעדערער זוכט זיין כבוד. וועט גאט מאכען איינער זאל הרגען דעם אנדערין אומגערין: וועט איינער זיין גישטארבין און איינער וועט פאר טריבען ווערין אין דיא ערי מקלט. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק עס זאל דארט אנטלויפען דער רוצח וואס וועט הרגען זיין חבר בבלי דעת: דעת מיינט מען דיא תורה. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק נדמו עמי מבלי הדעת מיין פאלק איז פאר שניטען גיווארין. ווייל זייא האבען ניט קיין דעת. זייא האבען ניט קיין תורה: אזוי מיינט דער פסוק דער רוצח וואס וועט הרגען זיין חבר ווייל זייא האבען ניט גילערונט תורה צו זאמען. רב יהודה בריה דרבי חייא האט גזאגט דער וואס לערונט תורה פון ארעמקייט און פון ענגשאפט וועט גאט צוא הערין זיין תפלה. אזוי ווי

מתוך דוחק תפלתו נשמעת שנאמר (ישעיה ל) כי עם בציון ישב בירושלים בכו לא תבכה חנון יחנך לקול זעקך וגו' וכתיב בתריה (שם) ונתן ה' לכם לחם צר ומים לחץ ר' אחא בר חנינא אומר אף אין הפרגוד ננעל לפניו שנאמר (שם) ולא יכנף עוד מוריך רבי אבהו אמר (אף זוכה ומקבל פני) [משביעין אותו מזיו] שכינה שנאמר (שם) והיו עיניך רואות את מוריך:

יז **פיסקא** אין יום שאין בו קללה וכו'. אמר רבא כל יום ויום מרובה קללתו משל חברו שנאמר בבקר תאמר מי יתן ערב ובערב תאמר מי יתן בקר הי בקר אילימא בקר דלמחר מי ידע מאי הוי אלא דחליף ואזל ואלא עלמא אמאי קאי אקדושא דסדרא ואיהא שמיה רבא דאגדתא שנאמר (איוב י) ארץ עיפתה כמו אופל צלמות ולא סדרים ותופע כמו אופל הא יש סדרים תופיע מאופל: [פיסקא] ולא ירד טל לברכה וניטל טעם הפירות תניא ר"ש בן אלעזר

אימת דקרא ותשכת מורא אלהיך: כי עם בציון ישב. אלו יושבי ישיבת תורה ופיסקא דקרא חנון יחנך לקול זעקך: לחם צר. בתי כתיב מדבר במי שמתגונן קטין עליו ולעפ"כ יושב ועוסק בתורה: פרגוד. מחיצה: לא יכנף. לא יתכסה ממך בכנף כנגדו ומתנתו: והיו עיניך רואות וגו'. וכן בתרים לא יכנף כתיב וגו':

דלמחר. מי יתן שיבא יום: מי ידע. אם יישב מן כלילה: אלא דחליף. מי יתן והיה זה (כליל) [יום שבא כזה] שעבר: אלא עלמא אמאי קיים. מאחר שהקללה הולכת ורבה: אקדושא דסידרא: סדר קדושה בלא הקנוה אלא שיהו כל ישראל עוסקין בתורה בכל יום דבר מועט שאומרים קרייתו ותרגומו והם כעוסקים בתורה וכיון שנוהג בכל ישראל בתלמידים. ובעמי הארץ יש כאן שתים תלמוד תורה וקדושת השם תניא כוה: וכן אמן יהא שמיה רבא מברך שעונין אחר הגדה שדרשן חרב מרבים בכל שבת שם מנהג כן והם הוו נקבלים כל העם לשמוע שאין יום בל מלאכה ויש כאן תורה וקדושת השם: סדרים. סדרי

עס שטייט אין פסוק דאס פאלק וואס וועט זיצן אין ציון און אין ירושלים. און וועלן לערנען תורה. וועלן זיי ניט דארפן וויינען. נאר גאט וועט דיר אלץ געבן אז ער וועט נאר הערן דיין געשריא: דער נאך שטייט אין פסוק פון וועמען שטוצט מען. פון דעם מענטש וואס גאט וועט אים געבן ברויט אייננ וויינינג. דיא ביסל ברויט און וואסער וועט אים שווער אן קומען. און פון דעסטוועגן וועט ער לערנען תורה. זיין תפלה וועט גאט אן נעמען. רבי אחא בר חנינא זאגט קיין וואנט איז ניט פאר מאכט פאר אים. נאר זיינע תפלות גייען גלייך צו גאט אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דיין רבי (גאט) וועט ניט פאר דעקט ווערן פאר דיר. רבי אבהו זאגט מען מאכט אים זאט מיט די שיינקייט פון די שכינה. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דיינע אויגען וועלן זעהן (דיין רבי) גאט וואס האט דיך געלערנט תורה:

יז פיסקא: אין. עס איז ניטא א טאג וואס אין אים זאל ניט זיין א קללה. רבא זאגט אלע טאג איז דיא קללה גרעסער פון דעם טאג וואס איז אוועק געגאנגען. ווארים עס שטייט אין פסוק אין דער פריא וועסטו זאגן ווער וואלט געבן נאכט. ביי נאכט וועסטו זאגן ווער וואלט געבן פריא. וועלכן פריא. מיר וואלין זאגן ער מיינט דעם פריא וואס מארגן וועט זיין. פון וואנען ווייסט ער וואס מארגן פריא וועט זיין, וואס ער בעט דער פריא זאל שוין קומען. טאמער וועט מארגן פריא נאך ערגער זיין. נאר ער מיינט דעם וואס איז שוין אוועק געגאנגען: אין דער פריא וועט ער זאגן ווא געמט מען דיא אוועק געגאנגענע נאכט. עס איז איצט אין דער פריא ערגער וויא ביי נאכט איז געוועזן. און ביי נאכט וועט ער זאגן ווא געמט מען דעם אוועק געגאנגענעם פריא. עס איז איצט ביי נאכט ערגער וויא אין דער פריא איז געוועזן. נאר אויף וואס שטייט דיא וועלט אויף דיא קדושה פון ובא לציון. און אויף דעם יהא שמיה רבא פון דעם קדיש וואס מען זאגט נאך א דרשה: אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דיא לאנד (ארץ ישראל) איר ליכטיגקייט איז אזוי וויא פינסטער. דארט איז דער שאטין פון טויט. ווייל עס איז ניטא קיין סדרים (דער סדר קדושה און דער סדר פון דיא דרשה) דריבער איז דיא ליכטיגקייט אזוי וויא פינסטער. אבער אז דיא צוויא סדרים וואלטן יא געוועזן (דער סדר קדושה און דער סדר דרשה) וואלט דיא לאנד געלייכטן פון איר פינסטערקייט: פיסקא. ולא. און דער טויא געווערט ניט צו א ברכה. און עס איז צו גענומען געווארן דער טעם פון די פירות.

אומר טהרה בטלה טעם הפירות וריחם מעשר ביטל שומן דגן רב הונא אשכח תטרתא דחנוניתא טרכה בסודריה אתא רבה בריה א"ל קא מורחנא מינך ריחא דחנוניתא א"ר בני טהרה יש בך יהביה ניהליה אדהכי אתא (רבא) [אבא] בריה שקלה יהבה ניהליה א"ל בני שמחת את לבי והקהית את שיני [היינו] דאמרי אינשי רחמי דאבא אבני ורחמי דבני אבני דהוה (להו) [ליה] רב אחא בר יעקב איטפיל ביה בר' יעקב בר ברתיה כי גדל א"ל אשקיין מיא א"ל אטו ברך אנא בר ברתך אנא והיינו דאמרי אינשי רבי רבי בר ברתך אנא:

יח (רבי יהושע) [ר"א הגדול] אומר מיום שחרב בית וחמדתנו שרי חכימיא למהוי כספריא וספריא כתלמידייא ותלמידייא כעמא דארעא ועמא דארעא (ע"כ) אזלא (ומנוולה) [ודלדלה] אין דורש ואין מבקש על מי יש לנו להשען על אבינו שבשמים

כדרים. כדרי פרשיות [דקירה]: טהרה. שפסקה מיטרהא: בטלה טעם פירות וריחם. שמתוך שהם טהורים ונוהגים בטהרה אף הקב"ה מטהר פירותם מטעם רע וריח רע: מעשר ביטל שומן דגן. בעון פיסוק מעשרות פסק שומן הדגן כשמו של מעשר דאיקרי חלב כדכתיב כל חלב יצהר וגו': דחינוניתא. שמנה ויש בה ריח טוב ומין תמרים הוא לעצמן: טהרה יש בך. לפיכך מריחה לך ולא בטל ריח (מהלכך) [מאליך]: אתא בריה. בריה דרבה בר רב הונא: א"ל רב הונא לבריה: שמחת את לבי. בטהרתך. והקהית את שיני. בהאיתגי שאהבתך על בנך יותר מעלי שנטלת ממני ונתת לו: רחמי. אהבה: איטפל ביה. גדלו בביתו: רבי רבי. גדל גדלי אותי והעפ"כ אני בנך: בר ברתך אנא. ואין עלי לכבדך כבן:

ספרי הכימיא. שהיו כחכמים: כספריא. מלמדי התינוקות שהם קטנים מן החכמים: כעמא דארעא. כעמי הארץ: אזלא ומנוולה. הולכים ודלים

מיר האבען געלערנט רבי שמעון בן אלעזר האט געזאגט. ווייל די יודין האבען אויף גיהערט צוא זיין טהור. דריבער איז צו גינומען גיווארין דער גישמאק אונ דער ריח פון די פירות. ווייל די יודין האבען אויף גיהערט צוא געבין מעשר. איז צו גינומען גיווארין די פעטס פון די תבואה. רב הונא האט אמאהל גיפונען אפעטין טייטל אונ ער האט גוט גישמעקט. האט ער איינגעוויקולט דעם טייטל אין זיין מאנטל. איז גיקומען זיין זוהן רבה אונ האט געזאגט צום פאטער איך שמעק פון דיר דעם ריח וויא פון אפעטין טייטל. האט רב הונא געזאגט צוא רבה מיין זוהן. ריינקייט איז דא אין דיר. דו ביסט דער ווייטערט פון טומאה. אונ ביסט טהור. דריבער שמעקסטו דעם ריח פון פעטע פירות. האט רב הונא גיגעבין דעם טייטל צוא זיין זוהן רבה. דער ווייל איז גיקומען אבא דער זוהן פון רבה, דער אייניקול פון רב הונא. האט רבה גינומען דעם טייטל אונ האט אים גיגעבין צו זיין זוהן אבא. האט רב הונא געזאגט צוא רבה מיין זוהן דוא האסט דער פרייט מיין הארץ ווייל דו ביסט אפ גערהיט פון טומאה אונ ביסט טהור. אונ דו האסט הייליג גימאכט מיינע ציין. דו האסט מיר געוויזען אז דו האסט דיין זוהן ליבער וויא מיך. פון מיר האסטו צוא גינומען דעם טייטל. אונ האסט אים גיגעבין צוא דיין זוהן. דאס איז וואס מענטשין זאגין די ליבשאפט פון פאטער איז אויף זיין זוהן. אונ די ליבשאפט פון דעם זוהן איז אויף זיין זוהן וואס ער האט. רב אחא בר יעקב האט אויף גיצאדעוועט בייא זיך זיין טאכטערס זוהן. ער האט גיהייסען רבי יעקב. אז דער רבי יעקב איז גרויס גיווארין. האט רב אחא געזאגט צוא דעם רבי יעקב גיב מיר אטרונק וואסער. האט רבי יעקב געזאגט צוא רב אחא בין איך דען דיין זוהן. איך בין דאך דיין טאכטערס זוהן. דאס איז וואס מענטשין זאגין אדעוועט אדעוועט דער נאך וועט ער זאגין איך בין דיין טאכטערס זוהן ניט דיינער. דארף איך דיך ניט פאלגין:

יח רבי אליעזר הגדול זאגט פון דעם טאג וואס דער בית המקדש איז חרוב גיווארין. האבען די חכמים אן גיהויבען צוא ווערין וויא די מלמדים. אונ די מלמדים זענען גיווארין וויא די תלמידים. אונ די תלמידים זענען גיווארין אזוי וויא די עמי הארצים. אונ די עמי הארצים (וואס בעשעפטיגען זיך מיט וועלט זאכען. סוחרים. בעלי מלאכות) ווערין אלע מאהל ארעמער אונ ווערין פאר מיאוסט. קיינער פארשט ניט אויף יודין. קיינער בעט ניט פון זייערט וועגין. אויף וועמען האבען מיר אונז אן צוא לענען. נאר אויף אונזער פאטער וואס אין הימעל. צום סוף פון גלות ווען משיח וועט דארפין קומען. וועט זיין די חציפות (עזות פנים) בייאר

שבשמים בעקבות המשיח חוצפא יסגי ויוקר יהא[יאמיר] הגפן תתן פריה והיין ביוקר(פי' שמשתכרין)והמלכות תהפך למינות ואין תוכחת בית הועד יהיה לזנות. והגליל יחרב. והגבלן ישום ואנשי הגבול יסובבו מעיר לעיר ולא יחוננו וחכמת סופרים תסרח ויראי חטא ימאסו והאמת תהא נעדרת נערים ילבינו זקנים גדולים יעמדו מפני הקטנים בן מנבל אב בת קמה באמה כלה בחמותה אויבי איש אנשי ביתו פני הדור כפני הכלב הבן לא יתבייש מאביו ועל מי יש לנו להשען אלא על אבינו שבשמים:

יט פיסקא בפולמוס של אספסיינוס קיסר גזרו וכו' ושלא ילמד אדם את בנו חכמת יוונית

ת"ר כשצרו מלכי בית חשמונאי זה על זה וכו' משמת ר"י וכו'. ת"ר משמת ר' אליעזר נגנז ס"ת משמת ר' יהושע בטלו עצה ומחשבה משמת ר"ע בטלו זרועי תורה ונסתתמו מעינות החכמה משמת ראב"ע בטלה עטרת חכמים שעטרת חכמים עשרם

והתמולים: בעקבות המשיח. בסוף הגלות לפני ביאת משיח: והיין ביוקר. שהכל עוסקין במשתאות: ואין תוכחה. אין לך אדם שיוכל להוכיח שכולם ובכלים בחטא וכשמוכיחו אומר לו אתה כמוני: בית הועד. של חכמים יהיה לבית זנות שבטלו בהכנים ואין לומד תורה ויהא חרב מאין איש ובעלי זימה מתגודדים שם מפני שהוא לעיר הוי בתי מדרשות שלהם:

מגם ס"ת שהיה בעל הלכות מפי השמועה הרבה והדורות בפיו כאילו כתובים בספר כדאמרי' בסנהדרין הרבה תורה למדתי מרבותי ולא עוד אלא שאני שונה שלשת אלפים הלכות וכו': עצה ומחשבה. שהיה זהיר במדרשות ובקי (בעלת במלכות) [בהלכות] ובתשובות המינין והבין ברמזיהם כדאמרינן בפ"ק דחגיגה כי נח נפשיה אמרו ליה רבנן מה תיהוי עלן ממינאי אמר להם אבדה עצה מבני ישראל נסרחה חכמתם של עובדי כו"ם: זרועי תורה. עומק סברא ולסמוך טעמי תורה שבעל פה על מדרש מקראות ואותיות היתרים ולבוחת במשתנים במקרא: ר' אלעזר בן עזריה. הוא עשיר כדאמרינן י"ג אלפי עגלי הוה מעשר מעדריה כל

גרוים: אונ דיא טייערקייט פון תבואה וועט זיין זייער גרויס. דער וויין שטאק וועט געבין זיין פרוכט: אונ וויין וועט זיין טייער ווייל פון צרות וועט מען טרינקען פיל וויין) אונ דיא געציין דינער וועלין פאר קערט ווערין צוא זיין אפיקורסים. איינער וועט ניט שטראפין דעם אנדערין. דיא הויז וואו חכמים פלעגין זיך דארט פאר זאמלען. וועט מען דארט מזנה זיין מיט זונות. אונ דיא גרויסע שטעט וועלין וויסט ווערין. אונ דער וואס פלעגט מאכען דיא גרענעצין וועט פאר וויסט ווערין. אונ דיא מענטשין וואס ביי דיא גרענעצין וועלין ארום גיין פון שטאט צוא שטאט אונ מען וועט אויף זייא ניט רחמנות האבען. אונ דיא חכמה פון דיא לומדים וועט פאר מיאוסט ווערין. אונ דיא וואס האבען מורא פאר עבירות וועלין זיין פאר מיאוסט. אונ דער אמת וועט פעלין. יונגע וועלין פאר שעמען דעם פנים פון דיא אלטע. אלטע וועלין זיך אויף שטעלין פאר יונגע. דער זוהן וועט פאר מיאוסין דעם פאטער. דיא טאכטער וועט אויף שטיין מיט עזות פנים געגין דיא מוטער (זי וועט ביי איהר ניט זיין גיאכטעט) אונ די שנור וועט זיין מיט עזות פנים געגין דיא שוויגער. דיא שונאים פון מענטשין וועלין זיין זיינע שטוב מענטשין. דער פנים פון דעם דור (דאס מיינט מען דיא גרויסע לייט פון דעם דור) וועט זיין גירעכנט ביי דיא פראסטע מענטשין וויא דער פנים פון אהונט. דער זוהן וועט זיך ניט שעמען פאר זיין פאטער. אונ אויף וועמען האבען מיר אונז אן צוא לענען: נאר אויף אונזער פאטער וואס אין הימעל:

יט פיסקא. ווען דער חיל פון אספסינוס קיסר איז גיקומען אויף ירושלים (דאס שטייט אין סימן טו). דיא רבנן האבען גילערנט ווען רבי אליעזר איז גישטארבין. איז אספר תורה בעהאלטין גיווארין. (ווארום רבי אליעזר איז גיוועזן אזוי וויא אספר תורה: אלע דינים האט ער גיוואסט). ווען רבי יהושע איז גישטארבין איז גישטערט גיווארין אלע עצות אונ טראכטונגען. עס איז שוין ניט גיוועזן ביי וועמען צוא פרעגין אעצה אונ אקלערונג. וויא רבי עקיבא איז גישטארבין איז גישטערט גיווארין דיא העוט וואס האבען אויף גיהאלטין דיא תורה. ווארום רבי עקיבא האט גיוואסט צו דרשנן וויא אזוי צוא בהעפטין דיא תורה פון משה מיט דיא גמרא זייא זאלין זיין ביידע איינס. אונ עס איז פארמאכט גיווארין דיא קוואלין פון חכמה: ווייא רבי אליעזר בן עזריה איז גישטארבין. איז בטל גיווארין דיא קרוין פון דיא חכמים. דיא קרוין פון דיא חכמים איז זייער רייכקייט. אונ רבי אליעזר בן עזריה איז גיוועזן אחכם אונ רייך. אונ וויא ער איז גישטארבין איז שוין ניט גיוועזן בעזאמען אחכם אונ רייך. וויא רבי חנינא בן דוסא

משמה ר' הנינא בן דוסא בטלו אנשי מעשה משמת אבא יוסי בן קטינתא בטלו הסידים ולמה נקרא שמו אבא יוסי בן קטינתא שהיה מקטני הסידים משמת בן עזאי בטלו השקדנים משמת בן זומא בטלו הדרשנים משמת רשב"ג עלה גובאי ורבו צרות משמת רבי הוכפלו הצרות משמת רבי בטלה ענוה ויראת הטא א"ל רב יוסף לתנא לא תיתני ענוה דאיכא אנא א"ל רב נחמן (בר יצחק) להנא לא תיתני יראתהטא דאיכא אנא. רבי פנחס בן יאיר אומר הזירות מביאה לידי נקיות וכו' רוח הקודש מביאה לידי תחית המתים ותחית המתים באה על ידי אליהו זכור לטוב המקום יזכנו לראות בביאתו ב"ב אמן:

[illegible]

האשה

איז געשטארבען האט אויף געהערט צו זיין מענטשען וואס קענען טאן נסים: וויא אבא יוסי בן קטינתא איז געשטארבען. האבען אויף געהערט צו זיין חסידים. פאר וואס האט מען אים גירופען אבא יוסי בן קטינתא וויל ער איז גיוועזען דער קלענסטער פון דיא חסידים. וויא בן עזאי איז געשטארבען האבען אויף געהערט צוא זיין מענטשען וואס זאלין זיצען שטענדיג אין בית המדרש אונ זאלין לערנען. וויא בן זומא איז געשטארבען האבען אויף געהערט צו זיין מענטשען וואס זאלין זאגען דרשות אויף פסוקים. וויא רבן שמעון בן גמליאל איז געשטארבען איז גקומען אהיישעריק אונ פיל צרות זענען גיקומען. וויא רבי איז געשטארבען זענען דיא צרות גיטאפילט גיווארין. וויא רבי איז געשטארבען האט אויף געהערט ענוות. אונ מען האט אויף געהערט מורא צו האבען פאר א עבירה. רב יוסף האט גזאגט צום תנא זאלסט ניט לערנען ענוות האט אויף געהערט. ווארום איך בין דא: איך בין אניו. רב נחמן האט געזאגט צום תנא זאלסט ניט לערנען מען האט אויף געהערט מורא צו האבען פאר א עבירה. ווארום איך בין דא. איך האב מורא צוא טאהן א עבירה. רבי פינחס בן יאיר זאגט דיא געשווינדיקייט פון מענטש וואס ער איז געשווינדט אונ גיאיילט צוא טאהן א מצוה. דאס ברייגגט אים ער זאל זיין ריין פון עבירות. אונ אז ער איז ריין פון עבירות וועט דאס אים ברייגגען ער זאל האבען אריינע הארץ צו גאט ער זאל ניט טראכטין קיין שלעכטע טראכטונג. אונ אז ער האט אריינע הארץ וועט דאס אים ברייגגען ער זאל זיין אפ גישיידט אפילו פון דיא זאכין וואס מען מעג. אונ אז ער איז אפ גישיידט פון דיא זאכין וואס מען מעג וועט דאס אים ברייגגען צו הייליגקייט. אונ אז ער וועט זיין הייליג וועט דאס אים ברייגגען ער זאל זיין ביא זיך נידעריג. אונ אז ער וועט זיין ביא זיך נידעריג וועט דאס אים ברייגגען ער זאל מורא האבען אין עבירה צוא טאהן אפילו אומגעערין. אונ אז ער וועט מורא האבען איין עבירה צו טאהן אפילו אומגעערין וועט דאס אים ברייגגען צו חסידות. אונ חסידות וועט אים ברייגגען צו רוח הקדש. אונ רוח הקדש ברייגגט צו תחיית המתים. אונ תחיית המתים וועט זיין דורך אליהו הנביא. ער זאל דער מאנט ווערין צו גוטען. גאט זאל געבין מיר זאלין זוכה זיין צו זעהן ווען אליהו הנביא וועט קומען באלד אונ געשווינד אין אונזערע צייטין אמן:

סליק מסכת סוטה

מסכת קידושין פרק ראשון

בודקין את הזב. במאכל ובמשתה בחולי ובמשא בקפיצה ובמראה ובהרהור שמא מחמת אחד מהן ראה ואונס הוא וטהור דרחמנא אמר מבשרו מחמתו ולא מחמת אונס והאי כאונס נמי מטמאה כדאמר בפרק בנות כותים בשבעה אומר כי יזוב זוב דמה כבר אונס אמור:

א משנה (דף ב ע״ב) האשה נקנית בשלש דרכים וכו׳: **גמ׳** מאי איריא דתני שלש ליתני שלשה משום דקא בעי למיתני דרך ודרך לשון נקבה הוא דכתיב (שמות יח) והודעת להם את הדרך ילכו בה ואלא הא דתניא בשבעה דרכים בודקין את הזב ליתני שבע משום דקבעי למיתני דרך ואשכחן דרך דאיקרי לשון זכר דכתיב (דברים כח) בדרך אחד יצאו אליך ובשבעה דרכים ינוסו לפניך א״ה קשו קראי אהדדי וקשיין נמי מתניתין אהדדי קראי אהדדי לא קשיין הכא דבתורה קאי ותורה איקרי לשון נקבה דכתיב (תהלים יט) תורת ה׳ תמימה משיבת נפש כתב לה בלשון נקבה התם דבמלחמה קאי ודרכו של איש לעשות מלחמה ואין דרכה של אשה לעשות מלחמה כתב לה בלשון זכר מתניתין אהדדי לא קשיין וכו׳:

ב תניא ר״ש אומר מפני מה אמרה תורה (דברים כב) כי יקח איש אשה ולא כתיב כי תלקח אשה לאיש מפני שדרכו של איש לחזור אחר אשה ואין דרכה של אשה

פרק ראשון

א משנה. הָאִשָּׁה נִקְנֵית בְּשָׁלשׁ דְּרָכִים. אַ ווייב גיהער צום מאן דורך דריי ערליי זאכין: פרעגט דיא גמרא פאר וואס לערונט מען אין דער משנה שלש וואס דאס איז לשון נקבה. זאל מען לערנען שלשה וואס דאס איז לשון זכר. ענטפערט דיא גמרא ווייל ער וויל לערנען דעם ווארט דרך וואס דאס איז לשון נקבה. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דו זאלסט זייא מאכין וויסען את הדרך ילכו בה. דעם וועג וואס זייא זאלין גיין אין איהר. שטעלט ער שוין דעם ווארט שלש וואס דאס איז אויך לשון נקבה: פרעגט דיא גמרא דאס וואס מיר האבען גילערונט בשבעה דרכים בודקין את הזב. מיט זיבען זאכין פרובט מען אזב. דארף דאך שטיין בשבע. וואס דאס איז לשון נקבה. אבער ניט שבעה וואס דאס איז לשון זכר. ענטפערט דיא גמרא ווייל ער וויל לערנען דעם ווארט דרך וואס דאס איז לשון זכר. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק בדרך אחד יצאו אליך. מיט איין וועג וועלין זייא ארויס גיין צו דיר. אחד איז לשון זכר: ובשבעה דרכים ינוסו לפניך. און מיט זיבען וועגין וועלין זייא אנטלויפין פאר דיר. און שבעה איז לשון זכר: שטעלט ער שוין דא אויך דעם ווארט שבעה וואס דאס איז לשון זכר. פרעגט דיא גמרא איז דאך אקשיא פון איין פסוק אויף דעם אנדערין. אין איין פסוק שטייט דרך לשון נקבה. און אין אנדערין פסוק שטייט דרך לשון זכר. און עס איז אקשיא פון איין משנה אויף דיא אנדערע: אין איין משנה שטייט דרך לשון נקבה. און אין דיא אנדערע משנה שטייט דרך לשון זכר. ענטפערט דיא גמרא דיא פסוקים איז קיין קשיא ניט. ווארום דרך איז לשון זכר און לשון נקבה. דער ערשטער פסוק שטייט ביי דיא תורה. און תורה איז לשון נקבה. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק תורת ה׳ תמימה. דיא תורה פון גאט זיא איז גאנץ. משיבת נפש. זיא דער קוויקט דיא נשמה. דריבער רופט ער דעם ווארט דרך אויך לשון נקבה. און דער אנדערער פסוק וואס שמועסט ביי מלחמה. און דער שטייגער איז אזכר גייט אין דער מלחמה. אבער ניט אאשה. שמועסט מען דאך פון זכרים. דריבער רופט ער דעם ווארט דרך אויך לשון זכר. און דיא משנות איז אויך קיין קשיא ניט דיא משנה שמועסט פון אנקבה. רופט ער דעם ווארט דרך לשון נקבה. און דיא אנדערע משנה שמועסט פון אזב אזכר. רופט ער דעם ווארט דרך לשון זכר:

ב תניא. מיר האבען גילערונט רבי שמעון זאגט פאר וואס האט דיא תורה גזאגט אז אמאן וועט נעמען אווייב. און עס שטייט ניט אז אווייב וועט גינומען ווערין צו אמאן. ווייל דער

אשה לחזור על איש משל לאדם שאבדה לו אבדה מי חוזר על מי בעל אבדה מחזיר על אבדתו :

(דף ז) ג איבעיא להו מיוחדת לי מהו מיועדת לי מהו צלעתי מהו עוזרתי מהו נגדתי מהו עצורתי מהו סגורתי מהו תחתי מהו תפושתי מהו לקוחתי מהו פשוט מיהא חדא דתניא האומר לקחתי ה"ז מקודשת משום שנא' (דברים כג) כי יקח איש אשה איבעיא להו חרופתי מהו ת"ש דתניא האומר חרופתי מקודשת שכן ביהודה קורין לארוסה חרופה ויהודה הויא רובא דעלמא הכי קאמר האומר חרופתי מקודשת שנאמר (ויקרא יט) והיא שפחה נחרפת לאיש :

(ד' יג ע"ב) ד רב מנגיד על דמקדש בשוקא ועל דמקדש בביאה ועל דמקדש בלא שדוכי ועל דמבטל גיטא ועל דמסר מודעה אגיטא ועל

[אמרה. אחת מגלמודין] : מיוחדת. לשון והיו לבשר אחד : מיועדת. לשון אשר לא יעדה בסיה לשון קדושין באמה סעגרים : עוזרתי נגדתי. לשון אעשה לו עזר כנגדו: סגורתי. לשון ויסגור בשר תחתנה : עצורתי. לשון עצרת שהיא נאספת עמי בבית ורבותי אמרו לשון כי אשה עצורה לנו ולא נסירא דהכא עצרה ממנו קאמר דהא אחימלך אמר לו לדוד אם נשמרו הנערים אך מאשה ודוד אהדר ליה אשה עצורה לנו והננו טהורים :

רב מנגיד כו'. מה ס פריצותא : ועל דמבטל גיטא : כסולם

שטייגער איז אמאן זוכט צוא נעמען אווייב. אבער א ווייב זוכט ניט צוא גינומען ווערין צו אמאן. דאס איז גלייך וויא אמענטש פאר לירט אזאך. ווער זוכט וועמען. דער בעל הבית זוכט די זאך וואס פון אים איז פאר לארין גיווארין. אבער די זאך זוכט ניט זיא זאל צוריק קומען צוא איר בעל הבית. אונ די אשה איז דאך אויך פאר לארין גיווארין פון איר מאן. אזוי וויא עס איז גיוועזן ביי די ערשטע אשה חוה. גאט האט גינומען א ריפ פון אדמס ריפען ווען ער איז גישלאפען אונ ער האט גימאכט פון די ריפ אווייב. איז דאך די ווייב פאר לארין גיווארין פון מאן. דריבער זוכט דער מאן די ווייב. אונ די ווייב זוכט ניט דעם מאן :

ג איבעיא להו: די תלמידים האבען גיפרעגט. אז איינער זאגט צוא א אשה מיוחדת לי: דוא זאלסט זיין מיט מיר איינס. אדער ער זאגט צוא איר מיועדת לי. דוא זאלסט זיין אן גיברייט צוא מיר. אדער ער זאגט צוא איר צלעתי: דו ביסט מיין ריפ. אדער ער זאגט צוא איר עזרתי דוא זאלסט זיין איין הילף צוא מיר. אדער ער זאגט צוא איר נגדתי. דוא זאלסט זיין געגין מיר. אדער ער זאגט צוא איר עצורתי. דוא זאלסט זיין אויף גיהאלטען ביי מיר. אדער ער זאגט צוא איר סגורתי. מיין פאר שלאסענע. דו זאלסט זיין פאר שלאסען ביי מיר: אדער ער זאגט צוא איר תחתי. דוא זאלסט זיין אונטער מיר. אדער ער זאגט צוא איר תפושתי: דוא זאלסט זיין בצוואונגען צוא מיר: אדער ער זאגט צוא איר לקוחתי. דוא זאלסט זיין גינומען צוא מיר. וויא איז דער דין. איז דאס קידושין אדער ניין. זאגט די גמרא איינס קענען מיר וויסען וויא דער דין איז. וואורום מיר האבען גילערונט אז איינער זאגט צוא א אשה לקוחתי. דוא זאלסט זיין גינומען צוא מיר. איז זיא מקודש צוא אים. ווייל אין פסוק שטייט אויך אזוי. כי יקח איש אשה: אז אמאן וועט נעמען אווייב. די תלמידים האבען גיפרעגט אז איינער זאגט צוא א אשה חרופתי. וויא איז דער דין: זאגט די גמרא מיר האבען גילערונט אז איינער זאגט צוא א אשה חרופתי. איז זיא מקודש צוא אים. וואורום אין יהודה רופט מען אויף א ארוסה חרופה. חרופה מיינט מען קידושין פרעגט די גמרא איז דען יהודה דאס מערסטע פון דער וועלט. ווייל אין יהודה זאגט מען אויף קידושין חרופה. דריבער זאל זיין אין די גאנצע וועלט אז איינער זאגט צו אאשה חרופתי: זאל זיא זיין מקודש צו אים. ענטפערט די גמרא אזוי מיינט מען אז איינער זאגט צו א אשה חרופתי. איז זיא מקודש צו אים: וואורום עס שטייט אין פסוק והיא שפחה נחרפת לאיש. אונ זיא איז א שפחה וואס איז מקודש גיווארין צו א מאן. שטייט דאך אין די תורה אז חרופה איז דער טייטש קידושין :

ד רב פלעגט שלאגין מלקות דעם מענטש וואס איז מקדש א אשה אין גאס. אונ דעם

ועל דמצער שלוחא דרבנן ועל דחלא שמתא עילויה תלתין יומין ועל חתנא דדייר בבי חמוה. דדייר אין חליף לא והא ההוא חתנא דחליף אבבא דבי חמוה ונגדיה רב ששת ההוא מידם הות דיימא ומתיה מיניה נהרדעי אמרי בכולהו לא מנגיד רב אלא על דמקדש בביאה בלא שדוכי וא"ד אפילו בשדוכי נמי משום פריצותא:

(דף יג) **ה אמר** רב יהודה אמר שמואל כל שאינו יודע בטיב גיטין וקדושין לא יהא לו עסק עמהן אמר רב אסי א"ר יוחנן וקשים לעולם יותר מדור המבול שנאמר (הושע ד) אלה וכחש ורצוח וגנוב ונאוף פרצו ודמים בדמים נגעו מאי משמע כדמתרגם רב יוסף מולדין בנין מנשי חבריהון חובין על חובין מוסיפין וכתיב (שם) על כן תאבל הארץ ואומלל

בעולה גם לאשתו ותניא בשלית וא"ל גם שנתתי לך בטל הוא דלתא לא ידעי ליה איכפי דבטליה קודם שיבא לידה ושמא יתננו השליח לאחר שבטלו ונמצא בו: ועל דמסר מודעא אגיטא. כגון בגט במעושה מישראל דמודיא לנו על כרחו: דמצער שלוחא דרבנן. שהזמינו לדין מפי בדיינים וזה קם עליו ומכהו: ועל חתנא דדייר בבי חמוה. כמה יכשל בה שהאם המותרת חיבבת את חתנה דאמר מר בני זכיר באסתך מהתנה הר אשון: מידם הות דיימא. תהדוס ממנו לשון דומה וכה דומה:

וקשים לעולם. דיינים המורים הוראה בעריות ואין בקיאים יותר מדור המבול: מאי משמע. תספא דקשין לעולם דקאי על זאת תאבל האבל אים: כדמתרגם רב יוסף. דהיה בקי בתרגום נביאים שתרגם יונתן בן עוזיאל דהאי פרצו דמים

וואס איז מקדש מיט בעילה. אונ דעם וואס איז מקדש אן שדוכים. נאר ער האט זיך בקענט מיט אאשה האט ער גזאגט צו איר הרי את מקודשת לי. אונ דעם וואס איז מבטל אגט. איינער האט געשיקט אגט צוא זיין ווייב. דער נאך האט ער געזאגט דעם שליח אונ האט גזאגט צוא אים דער גט וואס איך האב דיר גיגעבין זאל ער זיין בטל. אונ דעם וואס איז מוסר מודעא אויף אגט. למשל מען האט גענייט ראובן ער זאל גטין זיין ווייב. איז ער גיגאנגען פאר דעם גט אונ האט גזאגט צו צווייא מענטשין איר זאלט וויסען דער גט וואס איך וועל דא געבין איז ער בטל. אונ דעם וואס האט מצער גיווען דעם שליח פון בית דין. בית דין האבין געשיקט זייער שמש רופין איינעם צוא דין תורה. האט ער גישלאגין דעם שמש. אונ דעם מענטש וואס איז גיווען אין חרם דרייסיג טאג. אונ ער האט ניט גיזעהן אין די דרייסיג טעג מען זאל אים מתיר זיין דעם חרם. אונ דעם איידים וואס וואהנט בייא זיין שווער. דיא אלע מענטשין האט רב גישלאגין מלקות. פרעגט דיא גמרא דער איידים וואס וואהנט בייא זיין שווער האט מען אים גישלאגין מלקות. אבער אז ער וואהנט ניט בייא זיין שווער. ער גייט נאר פארבייא פאר דעם שווערס וואהנוג קומט אים ניט קיין מלקות. עס האט דאך אמאהל גיטראפן אאיידים איז גיגאנגען פאר דיא טיר פון זיין שווערס וואהנונג. האט רב ששת אים גישלאגין מלקות. ענטפערט דיא גמרא אויף דעם איידים האט מען גירעט אז זיין שוויגער האט אים ליב דריבער האט מען אים ניט גילאזט גיין פאר בייא זיין שווערס טיר טאמער וועט ער זיך זעהן מיט דיא שוויגער אונ וועט אריין גיין צו איר. דיא מענטשין פון נהרדעי זאגין אויף דיא אלע האט ער ניט גישלאגין מלקות נאר דעם וואס איז מקדש מיט בעילה אן שדוכים. האט ער גישלאגין מלקות. אנדערע זאגין אפילו מיט שדוכים. נאר אז ער האט מקדש גיוועזן מיט בעילה. האט אים רב גישלאגין מלקות. ווייל דאס איז אפארשייטקייט:

ה אמר. רב יהודה האט גזאגט פון שמואלס וועגין דער וואס ווייס ניט דיא דינים פון גטין אונ קדושין זאל ער זיך ניט מישען צו זאגין אדין בייא גטין אדער בייא קדושין. רב אסי האט גזאגט פון רבי יוחנם וועגין דיא מענטשין וואס ווייסין ניט דיא דינים פון גטין אונ קדושין אונ מישען זיך בייא אגט אדער בייא קידושין. זייא זענען ערגער צו דער וועלט ווייא דיא מענטשין וואס זענען גיווען אין דער צייט פון מבול. וואדום עס שטייט אין פסוק ווי שווערין אונ לייקענען הרגנן אונ גנבנן אונ מזנה זיין דאס האט זיך גישטארקט אונ בלוט צוא בלוט האט אנגערירט. וואס ווייסין מיר פון דעם פסוק. זאגט דיא גמרא אזוי ווייא רב יוסף האט ניטייטשט דעם פסוק. מזנה זיין האט זיך גישטארקט מיינט מען זייא האבען קינדער פון ווייבר

ואמלל כל יושב בה בחית השדה ובעוף השמים וגם דגי הים יאספו. ואילו בדור המבול לא נגזרה גזרה על דגים שבים שנאמר (בראשית ז) מכל אשר בחרבה מתו ולא דגים שבים ואילו הכא אפילו דגים שבים ואימא עד דעביד לכולהו לא ס"ד דכתיב (ירמיה כג) כי מפני אלה אבלה ארץ אימא אלה לחוד וה׳ לחודייהו (ע"ב) מי כתיב ופרצו פרצו כתיב:

(דף כ) ו תניא ר׳ יוסי בר"ח אומר בוא וראה כמה קשה אבקה של שביעית. אדם נושא ונותן בפירות שביעית לסוף מוכר את מטלטליו שנאמר (ויקרא כה) בשנת היובל וגו׳ וסמיך ליה וכי תמכרו ממכר לעמיתך או קנה מיד עמיתך דבר הנקנה מיד ליד לא הרגיש לסוף מוכר את שדותיו שנאמר (שם) כי ימוך אחיך ומכר מאחוזתו לא באת לידו עד

בדמים נגעו באשת איש קאי: פרצו, כמו וכן יפרוץ מולדין בנין: כי מפני אלה אבלה הארץ. בעלמא כתיב מיהו שמעינן מינה דאבל הדא קאמר על זאת תאבל הארץ דהא אלה הדא מהך דקרא (קאמר) [קמא הוא]: מי כתיב ופרצו. דמוסיף על ענין ראשון דליקום על (זאת) [כן] אכולה מילתא: פרצו כתיב. ומלתא באנפי נפשה היא ועלה לחודה כתיב על (זאת) [כן] תאבל:

בשנת היובל הזאת. וכי תמכרו אם תמכרו וסקא מה שאמרתי לכם בו סופך למכור ממכרך ואל כלי ביתך: לא הרגיש. לא שם לב ז לפורענות הבא עליו לחזור בו מעבירה שבידו גבי לא הרגיש גרסינן לסוף מוכר את שדותיו וגבי לא בא לידו בכולהו גרסינן בתוספתא עד שמוכר והכי משמע לא הבא

חברס ווייבער. אונ בלוט צו בלוט האט אנגערירט מיינט מען זייא מערין עבירות אויף עבירות. אונ עס שטייט אין פסוק דריבער טרויערט דיא ערד אונ עס ווערט פארשניטען אלע וואס זיצען אויף דיא ערד. סיי חיות פון פעלד סיי פייגלאך וואס פליהען אונטער דעם הימעל. אונ דיא פיש פון ים וועלין אין גיטאהן ווערין. זייא וועלין פייגערין. פאר דער עבירה פון מזנה זיין. אונ דער וואס ווייסט ניט דיא דינים פון גטין אונ קידושין אונ מישט זיך צו זאגן אדיי בייא אגט אדער בייא קידושין. קען ער דאך מתיר זיין אאשת איש. וועט ער דאך ברייגגען אזוי אשטראף אויף דער וועלט וואס בייא דעם מבול איז אזוי ניט גיוועזן. וואראום בייא דעם מבול איז אויף דיא פיש וואס אין ים קיין גזרה ניט גיוועזן. וואראום עס שטייט אין פסוק אלין וואס אויף דער טריקענעש איז גיפייגערט. אבער דיא פיש וואס אין ים זענען ניט גיפייגערט. אונ דא שטייט אפילו דיא פיש וואס אין ים וועלין פייגערין. פרעגט דיא גמרא טאמער קומט אנדערש ניט דער שטראף ביידין מען טוהט אלע עבירות וואס אין דעם פסוק שטייט. אבער אויף מזנה זיין אליין קומט גאר ניט אזוי אשטראף. ענטפערט דיא גמרא עס קען ניט זיין וואראום עס שטייט אין פסוק פאר פאלש שווערין וועט טרויערין דיא ערד. זעהן מיר אז פאר יעדע עבירה בזונדער פון דעם פסוק וועט פארוויסט ווערין דיא ערד. אונ פאר מזנה זיין אליין אויך. פרעגט דיא גמרא טאמער פאר פאלש שווערין אליין וועט וויסט ווערין דיא וועלט. אונ פאר דיא איבעריגע עבירות פאר אלע צו זאמען וועט וויסט ווערין דיא וועלט. אבער ניט פאר איינע עבירה. ענטפערט דיא גמרא שטייט דען ופרצו. עס שטייט דאך פרצו. אז עס וואלט גישטאנען אלה וכחש ורצוח וגנוב ונאוף ופרצו. וואלט מען טאקי זאגן אז מען טוהט אלע עבירות צו זאמען. ווערט פאר וויסט דיא וועלט. אבער מיט איין עבירה ניט. וואראום דער וא"ו פון ופרצו ציהט ארויף דעם ווארט צו דיא אלע פריערדיגע ווערטער. עס שטייט דאך אבער פרצו. דער ווארט פרצו גייט נאר אויף דעם ווארט ונאוף. ונאוף פרצו. זייא האבין זיך גשטארקט אין זנות. זייא האבין פיל מזנה גיוועזן צו ווייזין אז אויף דיא עבירה פון זנות אליין ווערט אויך וויסט דיא וועלט:

ו תניא. מיר האבין גילערנט רבי יוסי ברבי חנינא זאגט קום זעה וויא שווער עס איז דיא שטוב (דיא קליינע עבירות) פון שביעית פון שמטה. אז א מענטש האנדילט מיט דיא פירות וואס האבען גיוואקסין פון זיך אליין אום שמטה. ווערט ער גישטראפט ער זאל ארעם ווערין אונ זאל דארפין פארקויפין זיינע ווערטשאפט פון שטוב. וואראום עס שטייט אין פסוק אין דעם יאהר פון יובל. נאנט פון דעם פסוק שטייט אז איר וועט פארקויפין אפארקויפונג צו דיין חבר. אדער דו וועסט קויפין פון דיין חבר. דער פסוק מיינט אז דו וועסט ניט היטען דיא מצות פון

שמוכר את ביתו שנאמר (שם) כי ימכור בית מושב וגו' ומאי שנא התם דאמר לא הרגיש ומאי שנא הכא דאמר לא בא לידו כדרב הונא דאר"ה כיון שעבר אדם עבירה ושנה בה וכו' נעשית לו כהיתר לא באת לידו עד שמוכר את בתו שנא' (שמות כא) וכי ימכור איש את בתו לאמה ואע"ג דבתו לא כתיב בהאי ענינא הא קמ"ל נזבין אינש ברתיה ולא נוזיף ברביתא מ"ט ברתיה מגרעא ונפקא והא מוספא ואזלא לא באת לידו עד שלוה ברבית שנא' (ויקרא כה) וכי ימוך אחיך ומטה ידו עמך וסמיך ליה אל תקח מאתו וגו' לא באת לידו עד שמוכר את עצמו שנא' (שם) וכי ימוך אחיך עמך ונמכר לך לא לך אלא לגר שנא' לגר ולא לגר צדק אלא לגר תושב שנאמר גר תושב משפחת גר זה נכרי כשהוא אומר לעקר (ע"ג) זה

פירוש

תנא ביתו שהזכיר תחלה עד שבא לכל אלו: מ"ט דקתני לא שנינו. דמשמע אם לא הרגיש בהו לבא לכך ולכולהו תנא לא יבאת לידו עד שמוכר דמשמע דפשיטא ליה להנא דדרכו בכך דלא תבוא לידי שישוב מתשובה עד שיקבל עוד פורעניות: ואע"ג דבתו נמי עניא לא כתיב. לדרוש ה סמיכות פרשה מ"מ כדאיל ופרשת רבית סמוכה לפרשת ממכר בית אף שדהו שככר מכר את בתו אם יש לו בת קטנה קודם שלוה ברבית דמהא ליה וכו': וכי ימוך אחיך. הכל בסדר כסיכת פרשיות כולו דורשו וכולן זו קשה מחבירתה: שנאמר לגר. פרשה אחרת היא הסמוכה למכר וכי תשיג יד גר ותושב עמך גו' ׃ גם

דעם יאהר פון שמטה אדער פון דעם יאהר פון יובל איר וועט פאר קויפין וואס מען טאר ניט פאר קויפין וועסטו פאר קויפין דיינע זאכין פאר ארעמקייט. וועלכע זאכין דיא וואס ווערין גיגעבין פון איין האנט אין אנדערין האנט. דאס מיינט מען ווערט שאפט צירונג קליידער. דאס רופט מען מטלטלין. ווייל מען טראגט דאס פון איין ארט צום אנדערין ארט. אויב דער מענטש האט ניט געמערקט אז זיין ארעמקייט איז אים גיקומען פון דער עבירה פון שביעית: דריבער האט ער נאך ניט תשובה גיטאהן. וועט ער מוזין פארקויפין זיינע פעלדער אויך. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אז דיין ברודער וועט ארעם ווערין. וועט ער פארקויפין פון זיינע פעלדער. עס איז ניט גיקומען צו אים אטראכטונג תשובה צו טאהן ביז ער מוז פארקויפין דיא שטוב זיינע. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אז ער וועט פארקויפין א שטוב. פרעגט דיא גמרא פאר וואס פריער זאגט ער. ער האט ניט בעמערקט. זעהט אויס דער ווייל האט ער נאך ניט בעמערקט. אבער ער וועט נאך בעמערקין תשובה צו טאהן. דער נאך זאגט ער עס איז ניט גיקומען צו אים אטראכטונג תשובה צוא טאהן ביז ער פארקויפט זיין שטוב. זעהט אויס אז דאס איז א געוויסע זאך אז ער וועט ניט תשובה טאהן ביז ער וועט אלץ פארקויפין. ענטפערט דיא גמרא דאס איז אזוי וויא רב הונא האט גזאגט. אז א מענטש טוהט א עבירה איין מאהל. אונ ער טוהט דיא זעלביגע עבירה נאך א מאהל. איז דאס שוין בייא אים ניט קיין עבירה. נאר וויא מען מעג דיא זאך טאהן. דריבער וועט ער שוין געוויס ניט תשובה טאהן. עס איז נאך ניט גיקומען צו אים אטראכטונג פון תשובה טאהן. ביז ער פארקויפט זיין טאכטער. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אז א מענטש וועט פארקויפין זיין טאכטער צוא א דינסט. אפילו דיא טאכטער פארקויפין שטייט ניט אין דער פרשה פון שמטה. נאר ווייל ווייטער שטייט אז ער וועט בארגין געלט אונ צאהלין פראצענט. אונ דאס איז געוויס אז ער האט שוין פריער פארקויפט דיא טאכטער. ווארום א מענטש זאל פארקויפין זיין טאכטער. אונ זאל נישט בארגין געלט אויף פראצענט. פאר וואס. ווארום אז ער פארקויפט זיין טאכטער ווערט דער חוב אלע מאהל וועניגער. ווארום זיא ארבעט דאך פאר איר געלט. ביז זיא גייט ארויס פריי. אבער אז מען בארגט אויף פראצענט ווערט דער חוב אלע מאהל גרעסער. עס איז נאך ניט גיקומען צוא אים אטראכטונג פון תשובה טאהן. ביז ער בארגט געלט אויף פראצענט. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אז דיין ברודער וועט ארעם ווערין שטייט נאנט צוא דעם פסוק דו זאלסט ניט נעמען פון אים פראצענט. עס איז נאך ניט גיקומען צו אים אטראכטונג פון תשובה טאהן. ביז ער פארקויפט זיך אליין פאר א קנעכט. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אז דיין ברודער וועט ארעם ווערין אונ ער וועט פארקויפט ווערין צו דיר. אונ ניט נאר צו דיר וועט ער פארקויפט ווערין נאר צו א גר. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק לגר. אונ ניט צו א גר צדק

זה הנמכר לע״ז עצמה:

(דף כא. ויקרא כה) **ז וגאל** את ממכר אחיו רשות אתה אומר רשות או אינו אלא חובה ת״ל ואיש כי לא יהיה לו גואל וכי יש אדם בישראל שאין לו גואלים אלא זה שיש לו ואינו רוצה ליקח שהרשות בידו דברי ר׳ יהושע ר״א אומר וגאל את ממכר אחיו חובה אתה אומר חובה או אינו אלא רשות ת״ל (שם) ובכל ארץ אחזתכם גאולה תתנו הכתוב קבעו חובה:

(ע״ב) **ח ת״ר** (דברים כא) וראית בשביה בשעת שביה. אשת ואפילו אשת איש. יפת תואר לא דברה תורה אלא כנגד יצה״ר מוטב שיאכלו ישראל בשר תמותות שחוטות ואל יאכלו בשר תמותות נבלות. והשקת אע״פ שאינה נאה. בה ולא בה ובחברתה. ולקחת ליקוחין יש לך בה. לך לאשה שלא יקח שתי נשים אחת לו ואחת לאביו אחת לו

שנמכר לע״ז עצמה: להטוב עלים ולא גרים ולא לשם אלהות:

וכי יש לך אדם בישראל. ממשלי חלק כלרך שאין לו גואלים מזרע יעקב בעוד אחד מכל ישראל קיים הוא קרוב לו: אלא זה שיש לו. גואלים אבל אין הגואל רוצה ליקח ולימדך הכתוב שהרשות ביד קרוב: חובה. ואלו כי לא יהיה לו גואל דריש בשאי אפשר ביד הלוי ליורשו לגאול ואין הגאולה מוטלת (עליו) אלא על הקרוב מן הכל:

יפת תואר. משמע מתוך שמתגרה בו יצרו מחמת יופיה התירה לו ובקשי אלא דמוטב שיאכלו ישראל בשר תמותות שחוטות בשר מסוכנת שחוטה ואע״פ שהיא מסוכה כדכתיב ביחזקאל ולא בא בפי בשר פגול: ולא יאכלו בשר המותות. לאחר שימותו ויהיו נבלות: המותות. אמורטיי״ן: והשקת. בחשקו תלה הכתוב ואפי׳ אינה נאה: ולא בה ובחברתה. שלא יקח שתים: ליקוחין יש לך בה. קדושין תופסין ואע״פ שהיתה נכרית שהרי אינה מתגיירה מדעתה: לך. ולא לאחרים בלא יקחם

אַאָמְתִּין גֵרן וֶועט עֶר פַארְקוֹיפְט וֶוערִין. נָאר צוּ אַגֵר תּוֹשָׁב. דָאס אִיז אַגֵר וָואס עֶר הָאט אוֹיף זִיךְ גִינוּמֶען עֶר זָאל נִיט דִינֶען עֲבוֹדָה זָרָה אָבֶער צוּא אַלֶע נָאכִין אִיז עֶר אַגוֹי. אַזוֹי וִויא עֶם שְׁטֵייט אִין פָּסוּק לַגֵר תּוֹשָׁב. דֶער נָאךְ וֶועט עֶר פַארְקוֹיפְט וֶוערִין צוּ דִיא מִשְׁפָּחָה פוּן גֵר. דָאס אִיז צוּא דִיא גוֹיִם. אַז עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק לְעֵקֶר. מֵיינְט מֶען עֶר וֶועט פַארְקוֹיפְט וֶוערִין צוּ בֶּעדִינֶען דִיא עֲבוֹדָה זָרָה אַלֵיין:

ז וְגָאַל. דֶער דִין אִיז אַז אֵיינֶער נָמֶשֶׁל רְאוּבֵן] הָאט פַאר קוֹיפְט אַשְׁטוּב אָדֶער אַפֶּעלְד. וַוייל עֶר אִיז אָרֶעם. דַארְף זַיינֶער אַבְּרוּדֶער אָדֶער דֶער נֶענְטֶעסְטֶער פוּן זַיין מִשְׁפָּחָה אוֹיס לֵייזִין וָואס עֶר הָאט פַאר קוֹיפְט. אוֹיב עֶר וִויל. אָבֶער אַז עֶר וִויל נִיט לֵייזְט עֶר נִיט אוֹיס. פְרֶעגְט דִיא גְמָרָא דוּא זָאגְסְט עֶר לֵייזְט אוֹיס אוֹיב עֶר וִויל. טָאמֶער הָאט דִיא תּוֹרָה גִימֵיינְט עֶר מוּז אוֹיס לֵייזִין. שְׁטֵייט אִין פָּסוּק אוֹיב אַמֶענְטְשׁ וֶועט נִיט הָאבֶען וֶוער עֶס זָאל אוֹיס לֵייזִין. אִיז דָאךְ אַקַשְׁיָא אִיז דֶען דָא אַיוּד וָואס הָאט נִיט וֶוער עֶס זָאל אוֹיס לֵייזִין זַיין פֶעלְד. נָאר מֶען מֵיינְט עֶר הָאט וֶוער עֶס זָאל אוֹיס לֵייזִין. נָאר עֶר וִויל נִיט. אוּנ אַז עֶר וִויל נִיט קֶען מֶען אִים נִיט נֵייטִין. אַזוֹי זָאגְט רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ. רַבִּי אֱלִיעֶזֶר זָאגְט עֶר מוּז אוֹיס לֵייזִין. פְרֶעגְט דִיא גְמָרָא פוּן וַואנֶען וֵוייסְטוּ אַז עֶר מוּז. טָאמֶער נָאר אַז עֶר וִויל. שְׁטֵייט אִין פָּסוּק אִין דֶער גַאנְצֶער לַאנְד וָואס אִיר הָאט גִירַשְׁת זָאלְט אִיר גֶעבִּין אַאוֹיס לֵייזוּנְג. הָאט דֶער פָּסוּק גִימֵיינְט מֶען מוּז אוֹיס לֵייזִין; אוּנ וָואס עֶס שְׁטֵייט אוֹיב עֶר וֶועט נִיט הָאבֶען קֵיין אוֹיס לֵייזֶער. מֵיינְט מֶען דֶער אוֹיס לֵייזֶער וֶועט אוֹיךְ זַיין אָרֶעם אוּנ וֶועט נִיט הָאבֶען קֵיין גֶעלְט אוֹיס צוּ לֵייזִין:

ח תָּנוּ רַבָּנָן. דִיא רַבָּנָן הָאבֶען גִילֶערוּנְט עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק וְרָאִיתָ בַּשִּׁבְיָה. דוּא וֶועסְט זֶעהֶן צְווִישֶׁען דִיא מֶענְטְשִׁין וָואס דוּא הָאסְט גִיפַאנְגֶען. וֶוען דוּא וֶועסְט פַאנְגֶען. וֶועסְטוּ זֶעהְן אֵשֶׁת. אַוַוייבּ. אֲפִילוּ זִיא הָאט אַמַאן. יְפַת תֹּאַר. אַשֵׁיינֶע. וָוארוּם דִיא תּוֹרָה הָט גִירֶעט גֶעגְן יֵצֶר הָרָע. ווייל זִיא אִיז אַשֵׁיינֶע דְרִיבֶּער רֶעט אִים אָן דֶער יֵצֶר הָרָע צוּא אִיר; וָוארוּם עֶס אִיז בֶּעסֶער אַיוּד זָאל עֶסִין גִיפֵיינֶערְטֶע פְלֵייש גִישֶׁאכְטֶענֶע. אוּנ עֶר זָאל נִיט עֶסִין נִיפֵיינֶערְטֶע פְלֵייש נְבֵלוֹת. דְרִיבֶּער אֵיידֶער עֶר זָאל מִיט אִיר מְזַנֶּה זַיין וֶוען זִיא אִיז אַגוֹיָה. אִיז בֶּעסֶער עֶר נֶעמְט אִיר צוּא זִיךְ אַהֵיים אוּנ אִיז אִיר מְגַיֵּיר אוּנ נֶעמְט אִיר פַאר אַוַוייבּ. וְחָשַׁקְתָּ; דוּא וֶועסְט גְלוּסְטִין צוּא אִיר. אֲפִילוּ זִיא אִיז נִיט קֵיין שֵׁיינֶע. בָּהּ. אִין אִיר וֶועסְטוּ גְלוּסְטִין. נָאר אֵיינֶע מֶעג עֶר נֶעמֶען. אָבֶער נִיט אַז עֶר וֶועט גְלוּסְטִין צוּא צְווֵייא. צוּא אִירִי אוּנ צוּא אִיר

לו ואחת לבנו . והבאתה מלמד שלא ילחצנה במלחמה :

לערך אחרים כגון אביו : שלא ילחצנה במלחמה . לבא עליה : חומר . גרור המרגליות וגרור הבושם סלו׳ כגולר לתבשיל :

ט ת״ר (דברים טו) כי טוב לו עמך עמך במאכל עמך במשתה שלא תהא אתה אוכל פת נקיה והוא אוכל פת קיבר אתה שותה יין ישן והוא שותה יין חדש אתה ישן על גבי מוכין והוא ישן ע״ג התבן מכאן אמרו חכמים הקונה עבד עברי כקונה אדון לעצמו (ע״ב) (שמות כא) ורצע אדוניו את אזנו במרצע וגו׳ ר׳ יוחנן ב״ז היה דורש מקרא זה כמין חומר מה נשתנה אוזן מכל האברים שבגוף אמר הקב״ה אוזן ששמעה קולי על הר סיני (ויקרא כה) כי לי בני ישראל עבדים ולא עבדים לעבדים והלך זה וקנה אדון לעצמו ירצע (בה) (שמות כא) (והגישו אל הדלת וגו׳) ר״ש [ב״ר] היה דורש את המקרא הזה כמין חומר מה נשתנו דלת ומזוזה מכל כלים שבבית אמר הקב״ה דלת ומזוזה שהיו עדים במצרים בשעה שפסחתי על המשקוף ועל שתי המזוזות ואמרתי כי לי בני ישראל עבדים ולא עבדים לעבדים והוצאתים מעבדות להירות והלך זה וקנה אדון לעצמו ירצע בפניהם :

ת״ר

חברתה . ולקחת : אז ער איז איר מקדש אין גוטע קדושין . לך לאשה . צו דיר פאר א ווייב . ער זאל ניט נעמען צוויא ווייבער איינע פאר זיך אונ איינע פאר זיין פאטער . אדער איינע פאר זיך אונ איינע פאר זיין זון . והבאתה דוא זאלסט איר ברייננען אהיים . אבער ער זאל איר ניט צוא דריקען אין דער מלחמה . ער זאל ניט מזנה זיין מיט איר אין דער מלחמה :

ט תנו רבנן . דיא רבנן האבען גילערונט עס שטייט אין פסוק כי טוב לו עמך . עס איז אים גוט מיט דיר ; דעם יודישען קנעכט וואס דוא האסט ניקויפט איז אים גוט מיט דיר . ער זאל זיין מיט דיר אין עסין . ער זאל זיין מיט דיר אין טרינקען . דער יודישער קנעכט זאל עסין דאס זעלביגע וואס דער בעל הבית עסט . אונ זאל טרינקען דאס זעלביגע וואס דער בעל הבית טרינקט . עס זאל ניט זיין דער בעל הבית זאל עסין קלארע ברויט . אונ דער קנעכט זאל עסין שווארצע ברויט . דער בעל הבית זאל טרינקען אלטין וויין . אונ דער קנעכט זאל טרינקען יונגען וויין . דער בעל הבית זאל שלאפען אויף בעט גיוואנט ; אונ דער קנעכט זאל שלאפען אויף שטרוי . נאר זייא זאלין זיין ביידע גלייך . פון דאנען האבען דיא חכמים גיזאגט דער וואס קויפט איודישען קנעכט . קויפט ער אבעל הבית אויף זיך ; אין פסוק שטייט דער בעל הבית זאל שטעכין דעם אויער פון זיין קנעכט מיט אהאל . זאגט דיא גמרא רבי יוחנן בן זכאי הט גידרשת דעם פסוק אזוי גוט וויא אבינטעל בשמים . פאר וואס איז גיענדערט גיווארין דער אויער פון אלע גלידער פון דעם קנעכט . פר ווס שטעכט מען ניט קיין אנדער גליד נאר דעם אויער . נאר גאט האט גזאגט דער אויער וואס האט גיהערט אויף דעם בארג סיני צוא מיר זענען דיא יודין קנעכט . אונ נישט זייא זאלין זיין קנעכט צוא קנעכט . אונ דער מענטש איז גיגאנגען אונ הט גיקויפט אבעל הבית אויף זיך אליין . דריבער זאל מען אים שטעכין דעם אויער . עס שטייט אין פסוק דער בעל הבית זאל צו פירען דעם קנעכט צוא דיא טיר אדער צוא דער מזוזה . (מזוזה מיינט מען דער אוסאק פון דיא טיר וואס דיא מזוזה איז אויף דעם אן גישלאגין) אונ אויף דיא טיר אדער אויף דעם אוסאק זאל מען אים שטעכין דעם אויער . זאגט דיא גמרא רבי שמעון בר רבי האט גידרשת דעם פסוק אזוי גוט וויא אבינטול בשמים . פאר וואס איז גיענדערט גיווארין דיא טיר מיט דיא מזוזה פון אלע כלים וואס אין שטוב . מען זאל אים שטעכין דעם אויער נאר אויף דיא טיר אדער אויף דיא מזוזה . נאר גאט האט גזאגט דיא טיר אונ דיא מזוזה וואס זענען גיוועזן עדות אין מצרים ווען איך האב איבער געהיפט אויף דעם משקוף מיט ביידע מזוזות וואס איזד האט דארטין גיוואוהנט . אונ זייא זענען געבליבען לעבין ; אונ איך האב גזאגט צוא מיר זענען דיא יודין קנעכט . ניט זייא זאלין זיין קנעכט בייא קנעכט . אונ איך האב זיי אויס

(דף כד ע"ב) ת"ר הכהו על עינו וסמאה על אזנו וחרשה עבד יוצא בהן לחירות כנגד עינו ואינו רואה כנגד אזנו ואינו שומע אין עבד יוצא בהן לחירות אמר רב שמן לרב אשי למימרא דקלא לאו כלום הוא והתני רמי בר יחזקאל תרנגול שהושיט ראשו לאויר כלי זכוכית ותקע בו ושברו משלם נזק שלם ואמר רב יוסף אמרי בי רב סוס שצנף והמור שנער ושברו כלים בתוך הבית משלמים חצי נזק א"ל שאני אדם דכיון דבר דעת הוא איהו מבעית נפשיה כדתניא המבעית את חבירו פטור מדיני אדם וחייב בדיני שמים כיצד תקע באזנו וחרשו פטור אחזו ותקע באזנו וחרשו חייב:

כנגד עינו. שהכה לכותל והבעיתו בקול ולא נגע בו או נתחרש: ושברו. בקול: משלם נזק שלם. כסומכוס מוקמינן לה בב"ק דאמר בהמה שהזיקה בצרורות משלם נזק שלם: ושברו את הכלים. בקולם: חצי נזק. כדין צרורות לרבנן דפליגי עליה דסומכוס בב"ק ואמרי אינו משלם אלא חצי נזק צרורות: שאני אדם דבר דעת הוא. כלומר מזיק וכי מבעית מדעתיה קמיבעית שמתוך לבו לא פחד קול הבא פתאום: סבי דנזוניא. שם מקום: זיל נצעינהו. אמור אליהם להכנע ולישב בביתם וזה לשון נדוי לפ"ה כדאמרינן במ"ק נאמר בו דכך רבוד הכנע וכו'

(דף כה) **סבי** דנזוניא לא אתו לפרקיה דרב חסדא א"ל לרב המנונא זיל צנעינהו אזל אמר להו מ"ט לא אתו רבנן לפירקא א"ל (מאי) [אמאי] ניתי דבעינן מיניה מילתא ולא פשט לן א"ל מי בעיתו מינאי מידי ולא פשטינא לכו בעי מיניה

געצויגען פון קנעכט צו זיין פריי. אונ דער מענטש איז גיגאנגען אונ האט גיקויפט אבעל הבית אויף זיך אליין. דריבער זאל מען אים שטעכין דעם אויער פאר דיא טיר אונ פאר דיא מזוזה:

י תנו רבנן. דיא רבנן האבען גילערונט אז איינער האט גיקויפט אגוישען קנעכט אונ ער האט אים געשלאגין אויף זיין אויג. אונ ער האט זיא בלינד גימאכט. אדער ער האט אים גישלאגין אויף זיין אויער אונ ער האט זיא טויב גימאכט. גייט דער קנעכט ארויס פריי. אבער אז ער האט אים געשלאגין געגין אויג. אונ ער איז בלינד גיווארין. אדער ער הט אים גישלאגן געגין אויער אונ ער איז טויב גיווארין: למשל ער האט אקלאפ גיטאהן אויף אוואנט אונ פאר שרעק פון דעם קלאפ איז ער בלינד גיווארין אדער טויב גיווארין גייט ניט ארויס דער קנעכט פריי: האט רב שמן גיזאגט צו רב אשי ווען מיר זאגין אז מען טוהט אשאדין מיט דעם קול בארף מען ניט בצאהלען. רמי בר יחזקאל האט דאך גילערונט אז אהאן האט ארין גישטעקט דעם קאפ אין אגלעזערנע כלי: אונ האט אקריי גיטאהן אין דיא כלי אונ דיא כלי איז צוא בראכען גיווארין: דארף דער בעל הבית פון האן בצאהלען אגאנצען שאדין. אונ רב יוסף האט גיזאגט מען האט גיזאגט ביי רב. אז אפערד האט אגישריי גיטאהן אדער אאייזיל הט אגישריי גיטאהן אונ דורך דעם גישריי זענען צו בראכען גיווארין כלים אין שטוב. דארף זייער בעל הבית בצאהלען א האלבין שאדין. זעהן מיר דאך אז מען טוהט אשאדין מיט אקול נארף מען בצאלען. האט רב אשי גיזאגט ביי אמענטשין איז אנדערש ווייל ער האט שכל זיך אפ צוא האלטען אונ ניט צוא שרעקין. אז ער שרעקט יא. איז ער זיך אליין שולדיג. דריבער דארף מען אים ניט בצאהלען. אזוי וויא מיר האבען גילערונט אז איינער דער שרעקט זיין חבר: בית דין קענען אים ניט שולדיג מאכען. נאר גאט שטראפט אים. וויא אזוי איז גיוועזן. אז ער הט אגישריי גיטאהן צוא זיין חבר אין אויער. אונ ער איז טויב גיווארין: דארף ער אים ניט בצאהלען. אבער אז ער הט אן גינומען זיין חברם אויער אונ הט אגישריי גיטאהן אין זיין אויער. אונ ער איז טויב גיווארין. דארף ער בצאהלין:

יא סבי. די אלטע לייט פון ניזוניא זענען ניט גיקומען צוא דיא דרשה פון רב חסדא: האט רב חסדא גיזאגט צוא רב המנונא גייא בעהאלט זייא וואג זייא זייא זאלין זיצען אין דער היים. דאס הייסט זייא זאלין זיין אין חרם: איז רב המנונא גיגאנגען צוא זייא אונ האט ביי זייא גיפרעגט פאר וואס זענט איר ניט גיקומען צוא דער דרשה. האבען זייא גיזאגט פאר וואס זאלין מיר יא קומען מיר האבען גיפרעגט ביי אים אזאך. אונ ער האט אונז ניט גיענטפערט.

מיניה עבד שסרסו רבו בביצים מהו כמום שבגלוי דמי או לא לא הוה בידיה א"ל מה שמך אמר להו המנונא א"ל לאו המנונא אלא קרנונא אתא לקמיה דרב חסדא אמר ליה כתניתא בעו מינך דתנן כ"ד ראשי איברים שבאדם כולן אינן מטמאין משום מחיה ואלו הם ראשי אצבעות ידים ורגלים וראשי אזנים וראש החוטם וראש הגויה וראשי דדים שבאשה רבי יהודה אומר אף שבאיש ותני עלה בכולם עבד יוצא בהם לחירות רבי אומר אף הסירוס בן עזאי אומר אף הלשון:

(דף כט ע"ב) יב ת"ר הוא ללמוד ובנו ללמוד הוא קודם לבנו ר' יהודה אומר אם בנו זריז ומוצלח ותלמודו מתקיים בידו בנו קודם כי הא דרב יעקב בריה דרב אחא בר יעקב שדריה אבוה לקמיה דאביי כי אתא חזייה דלא הוה מחדדן שמעתיה

נכיסך: כמו מום שבגלוי דמי. שהרי תלויים בכיס ונכרים מבחוץ הן לא כותיל וטמונים בתוך הכיס: קרנונא. יושב קרנות אתה ולא בעל הוראה: מתניתא בעו מינך. גרסינן דמברייתא דתני עלה דמתניתין ר' אומר אף הסירוס יליף לה: אין מטמאין משום מחיה. שם אחד מן הנגעים כדכתיב ומחית בשר חי בשאת וכתיב בה לכל מראה עיני הכהן שתהא כולה נראית כאחד פרט למחיה שהיא במקום משופע ויורד לכל צד שאין יכול לראות ראש הנגע ורגליו כאחת: וראשי אזנים. שפת האוזן: ראש הגויה. גיד: וראשי דדים שבאשה. אבל שבאיש אינם בולטין כ"כ ואין זה שיפוע: לחירות. דכולם אם קצצו לו רבו מום שבגלוי הוא ואינו חוזר: רבי אומר אף הסירוס מוסיף על אלו לענין עבד ושן ועין לא אצטריך ליה לרבו למנות בתוספתא דבהדיא כתיב וזיל קרי בי רב הוא ות"ק לא פליג בהא: אף הלשון. בדרכו לראותו כשהוא מדבר ומום שבגלוי הוא: אם היה בנו זריז והאב רואה הצלחה ממנו ואין לו היפוק נכסים שילמדו שניהם ילמוד בנו והוא

האט רב המנונא צוא זייא געזאגט האט איר דען בייא מיר געפרעגט אזאך אונ איך האב אייך ניט געענטפערט. האבען זייא ביי רב המנונא געפרעגט אקנעכט וואס דער בעל הבית האט אים אויס געשניטען זיינע אייער. וויא איז דער דין: הייסט דאס אפענטליכער פעלער. ווייל מען דער קענט פון אויס ווייניג אז דיא אייער פעלען ביי אים: אדער דאס הייסט אבעהאלטענער פעלער. ווייל דיא אייער זענען געווען בעהאלטען אין ביטיל: האט רב המנונא ניט געוואוסט צו ענטפערין. האבען זייא געפרעגט ביי אים וויא איז דיין נאמען. האט ער געזאגט מיין נאמען איז המנונא. האבען זייא געזאגט צו אים דיין נאמען איז ניט המנונא. נאר קרנונא. ווייל דו ביסט אפראסטער מענטש אונ ניט קיין למדן. דער נאך איז רב המנונא געקומען פאר רב חסדא. אונ האט אים דער ציילט וואס מען האט ביי אים געפרעגט. האט רב חסדא געזאגט צוא רב המנונא מען האט ביי דיר געפרעגט אזוי אזאך וואס עס שטייט אין אברייתא. ווארום מיר האבען געלערנט דיא שפיצען פון פיר אונ צוואנציג גלידער וואס זענען דא אין אמענטשין. זענען נישט מטמא אויב אויף זייא איז דא ווילד פלייש. דאס זענען זייא. דיא שפיצען פינגער פון דיא הענט אונ פון דיא פיס. אונ דער ברעג פון אויער. אונ דער שפיץ נאז. אונ דער שפיץ פון דיא מילה: אונ דיא שפיצען בריסט פון אנקבה. רבי יהודה זאגט מיר דארפין רעכענען דיא שפיצען בריסט פון אזכר אויך. אונ מיר האבען געלערנט אז אבעל הבית שניידט אפ בייא זיין גוישען קנעכט איינעם פון דיא פיר אונ צוואנציג גלידער. גייט ארויס דער קנעכט פרייא. רבי זאגט אז דער בעל הבית שניידט אויס דיא אייער פון זיין גוישען קנעכט: גייט ער אויך ארויס פרייא. בן עזאי זאגט אז דער בעל הבית שניידט אפ דעם צונג פון זיין גוישען קנעכט. גייט ער אויך ארויס פרייא:

יב תנו רבנן: די רבנן האבען געלערנט אז ער בארף דינגען אמלמד פאר זיך צום לערנען. אונ בארף דינגען אמלמד פאר זיין זוהן צוא לערנען. אונ צווייא מלמדים קען ער ניט דינגען: איז ער פריער פאר זיין זוהן. זאל ער דינגען אמלמד פאר זיך. רבי יהודה זאגט אויב דער פאטער זעהט אז דער זוהן וועט לערנען וועט ער זיין אלמדן. אגרעסערער פאר אים. זאל ער דינגען אמלמד פאר זיין זוהן. אזוי וויא רב אחא בר יעקב האט געשיקט זיין זוהן רב יעקב פאר אביי ער זאל בייא אים לערנען תורה. אז רב יעקב איז געקומען פון אביי צוריק צום פאטער. האט דער פאטער געזעהן אז זיינע לערנונג איז ניט מיט אשארפין שכל: האט דער פאטער געזאגט צום זוהן איך בין בעסער צום לערנען וויא דוא. זיץ דוא אין דער היים אונ איך וועל גיין צוא אביי

שמעתיה א"ל אנא עדיפנא סמך תוב את ואיזיל אנא שמע אביי דקא הוה אתי ההוא מזיק בי רבנן דאביי דכי הוו עיילין תרין אפילו ביממא הוו מתזקי אמר להו לא ליתיב ליה אינש אושפיזא אפשר דמתרחיש ניסא על בת בההוא בי רבנן אידמי ליה כתנינא דז' רישוותא כל כריעה דכרע נתר חד רישא אמר להו למחר אי לא אתרחיש ניסא סכנתין:

יג אמר רב יהודה אמר שמואל הלכה נושא אדם אשה ואח"כ לומד תורה ר' יוחנן אמר ריחים בצוארו ויעסוק בתורה ולא פליגי הא לן והא להו:

יד משתבח ליה רב חסדא לרב הונא בדרב המנונא דאדם גדול הוא א"ל כשיבא לידך הביאהו לידי כי אתא חזייה דלא פריס סודרא אמר לו מאי טעמא לא פריסת סודרא אמר לו דלא נסיבנא והדרינהו לאפיה מיניה אמר לו הזי דלא חזית להו לאפאי עד דנסבת רב

יתירה אחר מזונות ויספיקנו : כי רנן . נתמ"ד רחוק מן הישוב היה : לא ליתיב ליה אינש אושפיזא לרב אחא ועל כרחו ילין בבית המדרש ומתוך חסידותו יעשה לו נס ויהרוג את המזיק : בת . לן : על. נכנס: אידמי ליה. מזיק : כתנינא דשבע רישי. שהיו לו ז' גולגולות : כל כריעה דכרע. רב אחא היה מתפלל על אותו מזיק נתר חד רישא: סכנתין . סכנתם אותי :

נושא אשה. דהוה בלא הרהור ואחר כך הולך ולומד תורה : הא לן . בני בבל היו הולכין וגורסין משניות בהתלמוד שבא"י ומתוך שלומדים חוץ למקומם אין צרכי הבית מוטלין עליו נושא אשה דהוה בלא הרהור ואחר כך הולך ולומד תורה : להו . לבני ארץ ישראל שלומדים במקומה אם נושא אשה יהיו צרכי הבית מוטלים עליו ויבטלוהו :

חזייה רב הונא לרב המנונא : דלא פריס סודרא : כדרך הנשואים שהיו רגילין לכסות ראשן :

לערנען ביי אים . האט אביי געהערט אז רב אחא קומט צו אים . אין בית המדרש פון אביי איז געווען א מזיק באשר . אז צוויא מענטשין פלעגין אריין גיין אין בית המדרש אפילו ביים טאג . פלעגט ער זייא שאדין טאהן . האט אביי געזאגט צוא דיא מענטשין פון שטאט קיין מענטש זאל ניט אריין לאזין רב אחא נעכטיגען ביי זיך אין שטוב . וועט ער מוזין נעכטיגען אין בית המדרש . טאמער וועט זיך טרעפין אנס אז ער וועט הרגנן דעם מזיק . איז רב אחא אריין געגאנגען אין בית המדרש אונ האט דארט גענעכטיגט . האט זיך דער מזיק פאר שטעלט חיא אשלאנג מיט זיבען קעפ . ביא יעדער מאהל וואס רב אחא האט זיך איין געבויגען פאר גאט אונ האט געבעטין אויף דעם טויט פון דעם מזיק . איז אים אראפ געפאלען איין קאפ . אויף מארגין האט רב אחא געזאגט צו דיא מענטשין פון שטאט . ווען מיר וואלט ניט געטראפען דער נס דער מזיק זאל געהרגעט ווערין וואלט איר מיך געבראכט אין אסכנה :

יג אמר . רב יהודה האט געזאגט פון שמואלס וועגין דער דין איז פריער זאל אמענטש נעמען אווייב דער נאך זאל ער לערנען תורה . רבי יוחנן זאגט ער וועט האבען אמיל שטיין אויף זיין האלדז וצוא געבין עסין אווייב מיט קינדער) וועט ער קענען לערנען תורה . נאר פריער זאל ער לערנען תורה : דער נאך וועט ער נעמען אווייב . זאגט דיא גמרא שמואל מיט רבי יוחנן קריגען ניט : נאר דיא תלמידים פון בבל וואס גייען אוועק פון זייער ארט צוא לערנען תורה אין ארץ ישראל . זאלין פריער נעמען ווייבער . דער נאך זאלין זייא לערנען תורה . ווארום אז זייא וועגען ניטא אין דער היים . איז דאך אויף זייא ניטא קיין יאך פון דיא ווייב אונ קינדער . אבער די תלמידים פון ארץ ישראל וייל זייא לערנען אין דער היים וועט אויף זייא זיין דער יאך פון ווייב אונ קינדער . דריבער איז בעסער פריער זאלין זייא לערנען תורה . דער נאך זאלין זייא חתונה האבען :

יד משתבח . רב חסדא האט געלויבט פאר רב הונא אז רב המנונא איז אגרויסער למדן . האט רב הונא געזאגט צו רב חסדא אז רב המנונא וועט קומען צוא דיר שיק אים צוא מיר . אז רב המנונא איז געקומען פאר רב הונא : האט רב הונא געזעהן אז רב המנונא גייט ניט מיט אטלית אויף דעם קאפ האט רב הונא געזאגט צוא רב המנונא פאר וואס גייסטו ניט מיט אטלית אויף דעם קאפ . האט רב המנונא געזאגט וייל איך האב נאך ניט חתונה געהאט . האט רב הונא אפ געקערט זיין פנים פון רב המנונא . אונ רב הונא האט געזאגט צוא רב המנונא דו וואלסט

רב הונא לטעמיה דאמר בן עשרים שנה ולא נשא אשה כל ימיו בעבירה ס"ד אלא אימא כל ימיו בהרהורי עבירה. אמר רבא וכן תנא דבי רבי ישמעאל עד עשרים שנה יושב הקב"ה ומצפה לאדם מתי ישא אשה כיון שהגיעו עשרים שנה ולא נשא אומר תיפח עצמותיו של אותו האיש. א"ר חסדא האי דעדיפנא מחבראי דנסיבנא בשיתסר ואי הוה נסיבנא בארביסר (דף ל) הוה אמינא לשטן גירא בעיניך. א"ל רבא לרב נתן בר אמי אדידך על צוארי דבריך משיתסר ועד כ"ב ואמרי לה מתמני סרי עד כ"ד כתנאי (משלי כב) חנוך לנער על פי דרכו ר' יהודה ור' נחמיה חד אמר משיתסר ועד כ"ב וח"א מתמני סרי ועד כ"ד:

בזה אמינא לשטן גירא בעיניך. כלומר הייתי מתגרה בו ושטן שלא יפה"ר ולא אירא שיחטיאני: אדידך על צוארי דבריך. בעוד ידך תקיפה על בנך קודם שיגדל ולא יקבל תוכחתך השיאו אשה: שיתסר. שכן הגיע זמן ליכנס ויוסר מכ"ב אל תאמרהו ל"א אדידך על צוארי דבריך בשעה שעוד ידך תקיפה עליו הוא זהיר ללמדו תוכחת ואי זה זמן משיתסר עד כ"ב בציר משיתסר אין בו דעת לקבל תוכחה כל כך ואל הכביד יסורין ותוכחת ויותר מכ"ב יש להוש שלא יבעט וזה עיקר: ע"פ דרכו. דרך שכל ימיו יהא מתנהג בו חנוך לו בנערותו ואיזו היא נערותו ר' יהודה ור' נחמיה וכו':
דשרי דיסנא אריסיה. שדין שאינו ראוי לעטיפת הראש אלא כסוי בעלמא שם על ראשו שלא

טו א"ר יהושע בן לוי כל המלמד את בן בנו תורה מעלה עליו הכתוב כאילו קבלה מהר סיני שנא' (דברי' ד) והודעתם לבניך ולבני בניך וסמיך ליה יום אשר עמדת לפני ה' אלהיך בחורב. רבי חייא בר אבא אשכחיה לר' יהושע בן לוי דשרי דיסנא ארישיה וקא ממטי ליה לינוקא לבי כנישתא א"ל מאי כולי האי א"ל מי זוטרא מאי דכתיב והודעתם לבניך וסמיך ליה יום אשר עמדת לפני ה' אלהיך בחורב מכאן ואילך

רבה

גיט זעהן מיין פנים ביז דוא וועסט חתונה האבען. ווארום רב הונא זאגט אז איינער איז אלט צוואנציג יאהר אונ ער האט נאך ניט חתונה גיהאט. זענען זיינע אלע טעג מיט עבירות; פרעגט דיא גמרא וויא אזוי מיט עבירות. נאר מען מיינט אז זיינע אלע טעג גייען אוועק מיט טראכטונג פון עבירות. ער טראכט פון ווייבער. רבא זאגט אונ דבי רבי ישמעאל האבען אויך אזוי גילערנט ביז צוואנציג יאהר ווארט גאט דעם מענטש ווען וועט ער נעמען א ווייב. אז ער איז אלט גיווארין צוואנציג יאהר אונ האט נאך ניט גינומען קיין ווייב. זאגט גאט פאר פוילט זאלין ווערין דיא ביינער פון דעם מענטש. רב חסדא האט גזאגט דאס וואס איך קען בעסער לערנען פון מיינע חברים. ווייל איך האב חתונה גיהאט דעם זעכצעהנטען יאהר; אונ ווען איך וואלט חתונה גיהאט דעם פערצעהנטין יאהר וואלט איך גזאגט צום שטן אפייל אין דיינע אויגען; איך האב ניט מורא פאר דיר טאמער וועסטו מיך מאכען זינדיגען. רבא האט גזאגט צו רב נתן בר אמי ווען דיין האנט איז נאך אויף דעם האלדז פון דיין זוהן. דהיינו דיין זוהן איז נאך יונג דוא קענסט אים גייטין צו וואס דוא ווילסט. זאלסטו אים געבין א ווייב. דאס איז פון זעכצעהן ביז צוויא אונ צוואנציג יאהר. אנדערע זאגין פון אכטצעהן ביז פיר אונ צוואנציג. תנאים קריגען אין דעם. אין פסוק שטייט דוא זאלסט געוויינען דעם יונג אין זיין יוגענד ער זאל גיין אין גוטען וועג. אונ נאך זיין געוואוינונג וועט ער גיין זיין גאנצין לעבין אזוי. ווען הייסט דער יוגענד. רבי יהודה אונ רבי נחמיה קריגען. איינער זאגט פון זעכצעהן ביז צוויי אונ צוואנציג. אונ איינער זאגט פון אכטצעהן ביז פיר אונ צוואנציג:

טו אמר. רבי יהושע בן לוי האט גזאגט דער וואס לערנט תורה מיט זיין אייניקל. רעכנט אויף אים דער פסוק וויא ער אליין וואלט גינומען דיא תורה פון בארג סיני. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דוא זאלסט מאכען וויסען דיא תורה צו דיינע זיהן אונ צו דיין זיהנס קינדער. וועט דאס זיין גירעכנט וויא דער טאג וואס דוא ביסט גישטאנען פאר גאט אויף דעם בארג סיני. רבי חייא בר אבא האט גיטראפען צו רבי יהושע בן לוי אז ער האט ארויף גילייגט א שטיקל פון אקלייד אויף זיין קאפ. אונ ער האט געפירט זיין קינד אין חדר. האט רבי חייא גזאגט צו רבי יהושע וואס האסטו דיך אזוי גיאיילט. דוא האסט ניט צייט גיהאט צו געסען

רבה בר ר"ה לא טעים אומצא עד דמייתי ליה לינוקא בי מדרש'. ר'חיי' בר אבא לא טעים אומצא עד דמקרי לינוק' ומוסיפיה. א"ר ספרא משום ריב"ח מ"ד (דברים ו) ושננתם לבניך אל תקרי ושננתם אלא ושלשתם לעולם ישלש אדם שנותיו שליש במקרא שליש במשנה שליש בתלמוד מי יודע כמה חיי לא צריכא ליומי. לפיכך נקראו ראשונים סופרים שהיו סופרים כל אותיות שבתורה שהיו אומרים (ויקרא יא) וא"ו דגחון חציין של אותיות של ספר תורה (שם י) דרש דרש חציין של תיבות (שם יג) והתגלח הציין של פסוקים (תהלים פ) יכרסמנה חזיר מיער עי"ן דיער חציין של תהלים באותיות (שם עח) והוא רחום יכפר עון חציין דפסוקים:

לילך בגלוי ראש ולא הספיק להתעטף בסודרו: אומצא. בשר. שמיכרם לאחר בלא עטיפה הסוגנת לך: לא טעים אומצא. בשר מעט בבהלים היו רגילין לטעום בבקר: עד דמקרי לינוקא ומוספיה. מהדר לו מה שקרא אתמול ומלמדו עוד פסוק יותר: אלא ושלשתם. מדלא כתיב ושניתם (הד זימנא) אלא ושננתם בב' נוני"ן ש"מ שישמיע אותו שתי פעמים והיינו ושלשתם) שישלישם: ליומי. ימי השבוע: לפיכך נקראים וכו'. מילתא באפיה נפשיה היא: הלמוד. סברות וטעמי המשנה של מבניות ולהרבות במה שהוברות זו את זו: נקראו הראשונים סופרים. כדכתיב ומשפחות סופרים יושבי יעבץ: וא"ו דגחון. כל הולך על גחון: חסר ממנו ממנין ספר תורה: יהיו מחודדין בפיך. חזור עליהם ודוק בעומקם: שמה ישאלך

טז ת"ר חמשת אלפים ותתפ"ח פסוקים הוין ס"ת יתר עליו ספר תהלים שמנה חסר ממנו דברי הימים שמונה. ת"ר (דברים ו) ושננתם שיהיו דברי תורה מחודדים בפיך שאם ישאל לך אדם דבר אל תגמגם ותאמר אלא אמור לו מיד

אהיטל אויף דיין קאפ נאר האסט בדעקט דיין קאפ מיט אשטיקול פון אקלייד אונ ביסט גילאפן מיט דיין קינד אין חדר. האט רבי יהושע גזאגט איז דען ווייניג וואס עס שטייט אין פסוק דוא זאלסט מאכען וויסען דיא תורה צוא דיינע קינדער וועט דאס זיין גירעכונט וויא דער טאג וואס דוא ביסט גישטאנען פאר גאט אויף דעם בארג סיני. פון דער צייט אונ ווייטער פלעגט רבה בר רב הונא ניט עסין דאס קליינע שטיקול גיבראטענע פלייש. ביז ער פלעגט ברייגגען זיין קינד אין בית המדרש צום לערנען תורה. אונ רבי חייא בר אבא פלעגט ניט עסין דם קליינע שטיקול גיבראטענע פלייש. ביז ער האט גיחזרת מיט זיין קינד וואס ער האט מיט אים גלערנט נעכטין גילערונט. אונ נאך צוא גילערונט אביסול בייע אויך. ווייער שטייגער איז גיוועזן צו עסן אין דער פריא אשטיקול פלייש גיבראטען אויף קוילין. רב ספרא הט גזאגט פון רבי יוסי ברבי חנינאס וועגין עס שטייט אין פסוק ושננתם לבניך. דוא זאלסט ניט לייענען ושננתם, נאר ושלשתם. דוא זאלסט לערנען מיט דיין קינד יעדער זאך דריי מאהל. אמענטש זאל אייביג צוא טיילען זיינע יאהרין אין דריי טייל. אדריטיל יאהרין זאל ער לערנען תנ"ך. אדריטיל יאהרין זאל ער לערנען משניות. אדריטיל יאהרין זאל ער לערנען גמרא. למשל אמענטש לעבט זיבעציג יאהר. זאל ער לערנען ביז דריי אונ צוואנציג יאהר תנ"ך. ביז זעקס אונ פערציג יאהר משניות. אונ ביז זיבעציג יאהר גמרא. פרעגט דיא גמרא וויים דען אמענטש וויא לאנג ער וועט לעבין. טאמער לעבט ער נאר ביז דריי אונ צוואנציג יאהר. וועט ער נאר האבען גילערונט תנ"ך. ניט מער. אדער טאמער לעבט ער נאר ביז זעקס אונ פערציג יאהר וועט ער נאר האבען גילערונט תנ"ך אונ משניות, ניט מער. ענטפערט דיא גמרא מען מיינט דיא טעג זאל ער צוא טיילען, אלע טאג זאל ער לערנען אדריטיל תנ"ך אדריטול משניות אדריטול גמרא. דיא גמרא זאגט דריבער ווערין גערופין די ערשטע תנאים סופרים. ווייל זייא פלעגין ציילען אלע אותיות פון דער תורה. זייא האבען גזאגט אז דער וא"ו פון דם ווארט גחון איז אהעלפט פון דיא אותיות וואס אין דער ספר תורה. דרש איז אהעלפט פון דיא ווערטער וואס אין דיא ספר תורה. והתגלח איז אהעלפט פסוקים פון דיא ספר תורה. אין תהלים שטייט יכרסמנה חזיר מיער. דער עי"ן פון יער איז העלפט אותיות פון תהלים. והוא רחום יכפר עון איז העלפט פסוקים פון תהלים:

טז תנו רבנן. דיא רבנן האבען גילערונט פינף טויזענד אכט הונדערט אכט אונ אכטציג פסוקים איז דא אין דער ספר התורה. אין תהלים איז דא אכט פסוקים מער. אין דברי הימים איז דא אכט פסוקים ווייניגער, דיא רבנן האבען גילערונט עס שטייט אין פסוק ושננתם, דיא ווערטער

שנאמר (ע"ב) (משלי ז) אמור לחכמה אחותי את ותך ואומר (שם) קשרם על אצבעותיך כתבם על לוח לבך ואומר (תהלים קכז) כחצים ביד גבור כן בני הנעורים ואומר (שם מה) חציך שנונים ואומר (שם קכז) אשרי הגבר אשר מלא את אשפתו מהם לא יבשו כי ידברו את אויבים בשער מאי את אויבים בשער א"ר חייא בר אבא אפילו האב ובנו הרב ותלמידו שעוסקין בתורה בשער אחד נעשים שונאים זה את זה ואינם זזים משם עד שנעשים אוהבים זה את זה שנאמר (במדבר כא) את והב בסופה אל תקרי בסופה אלא בסופה:

אדם לא תופסך לעולם. א"נ שתוכל לומר מיד: אמור לחכמה אחותי את. שתהא בקי בה כאחותך שאסורה לך א"נ מסיפא דקרא ומודע לבינה תקרא שתהא ידועה לך: כחצים ביד גבור. שנלחם בהם עם אויביו כן בני הנעורים תלמידיו כל אדם קרויין בניו כמ"ב חזקיה (ד"ה כט) בני אל תשלו ואומר הנה אנכי והילדים אשר נתן לי וגו': אשר מלא את אשפתו מהם. משום דדמינהו לחצים נקט מלוי אשפה: את אויבים בשער. סיפא דאשרי הגבר הוא: נעשו אויבים. מתוך שמקשים זה את זה ואין זה מקבל דברי זה: את והב בסופה. בכי דרש גם בספר מלחמות מלחמה שע"י ספר אהבה יש בסופה: ושמתם. את דברי: סם תם. שלם שאינו חסר בום כלום: מה שהנאתך. כל מה שדעתך (נח) [טהב] כימנו ואפי' דגש וכל מיני מסיקה שקשים

יז ת"ר (דברים יא) ושמתם סם תם נמשלה תורה כסם חיים משל לאדם שהכה את בנו מכה גדולה והניח לו רטיה על מכתו ואמר לו בני כל זמן שהרטיה זו על מכתך אכול מה שהנאתך ושתה מה שהנאתך ורחוץ בין בחמין בין בצונן ואין אתה מתירא ואם אתה מעבירה הרי היא מעלה

פון דיא תורה זאלין זיין שארף אין דיין מויל. אויב אמענטש וועט דיך פרעגין אזאך פון דער תורה זאלסטו ניט שטאמלען מיט דעם מויל; נאר זאלסט אים באלד זאגין כשר צו טריף; אזוי וויא עס שטייט אין פסוק זאג צו דיא חכמה דו בימט מיין שוועסטער. דו זאלסט וויסען אזוי קלאר דיא גאנצע תורה. וויא דו ווייסט קלאר אז דיין שוועסטער טאר גיט זיין דיין ווייב. נאך זאגט דער פסוק דו זאלסט אן בינדען דיא רייד פון דיא תורה אויף דיינע פינגער. דו זאלסט דיא אויף שרייבין אויף דעם טאוויל פון דיין הארץ; נאך זאגט דער פסוק אזוי וויא דיא פיילין וואס זענען אין דיא האנט פון אשטארקין מענטש אפילו זייא זענען ניט שארף קען ער אויך מיט זייא הרגנן. אזוי זענען דיא יונגע יאהרין. וואס מען לערונט אין זייא תורה אפילו זיין שכל איז ניט אזוי שארף. פון דעסטוועגין ווערט ער אלמדן. נאך זאגט דער פסוק חציך שנונים. דיינע פיילין זענען שארף. אז דער מענטש איז אשטארקער אונ דיא פיילין זענען שארפע. געוויס אז ער הרגעט מיט זייא זייער פיל. אזוי אז דער קינד איז יונג אונ האט אשארפין שכל. געוויס אז זיין תורה לערנען וועט האבען אקיום אויף אייביג אונ ער וועט וויסען צוא ענטפערין יעדער דין וואס מען וועט אים פרעגין. נאך זאגט דער פסוק וואהל דעם מענטש וואס ער האט אן געפילט זיין שייד מיט דיא פיילין זייא וועלין זיך ניט שעמען אז זייא וועלין ריידין מיט דיא פיינט אין טויער; וואס מיינט מען מיט דיא פיינט אין טויער. רבי חייא בר אבא זאגט אפילו אפאטער מיט זיין זוהן אונ ארבי מיט זיין תלמיד. וואס זייא לערנען תורה אין איין בית המדרש ווערין זייא פיינד איינער מיט דעם אנדערין; ווארום דער זאגט כשר אונ דער זאגט טריף; זייא גייען אבער ניט אוועק פון בית המדרש ביז זייא האבען ליב איינער דעם אנדערין. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק את והב בסופה. זאלסט ניט לייענען בסופה. נאר זאלסט לייענען בסופה. פריער שטייט אין פסוק על כן יאמר בספר מלחמות ה'; דריבער ווערט געזאגט עס איז אגטליכע מלחמה. דורך דער ספר התורה; ואת והב בסופה. אין סוף ווערט ליבשאפט צווישען דיא מענטשין וואס האבען געקריגט:

יז תנו רבנן. דיא רבנן האבען געלערונט עס שטייט אין פסוק ושמתם. סם תם. אגאנצער סם. דיא תורה איז געגליכען אזוי וויא אסם פון לעבין. דאס איז אמשל אמענטש האט אמאהל גישלאגין זיין זוהן אונ האט אים גימאכט אגרויסע מכה; דער נאך האט ער אים גילייגט אפלאסטער אויף דיא מכה. אונ ער האט געזאגט צו אים מיין זוהן אזוי לאנג וויא דער פלאסטער וועט ליגען אויף דיא מכה. מעגסטו עסין וואס דוא האסט ליב אונ מעגסט טרינקען וואס דוא

מעלה נומי כך הקב"ה אמר להם לישראל בני בראתי יצה"ר ובראתי לו תורה תבלין ואם אתם עוסקים בתורה אין אתם נמסרים בידו שנא' (בראשית ד) הלוא אם תיטיב שאת ואם אין אתם עוסקים בתורה אתם נמסרים בידו שנאמר (שם) לפתח חטאת רובץ ולא עוד אלא שכל משאו ומתנו בך שנאמר (שם) ואליך תשוקתו ואם אתה רוצה אתה מושל בו שנאמר (שם) ואתה תמשל בו:

יח ת"ר קשה יצה"ר שאפילו יוצרו קראו רע שנאמר (בראשית ח) כי יצר לב האדם רע מנעוריו. א"ר יצחק יצרו של אדם מתחדש עליו בכל יום שנאמר (שם ו) רק רע כל היום. (אמר ר"ל) [וא"ר שמעון בן לוי] יצרו של אדם מתגבר עליו בכל יום ומבקש להמיתו שנאמר (תהלים לז) צופה רשע לצדיק ומבקש להמיתו ואלמלא הקב"ה עוזרו אינו יכול לו שנאמר (שם) לא יעזבנו בידו. תנא דבי ר' ישמעאל בני אם פגע בך מנוול זה משכהו לבית המדרש אם אבן הוא ניכוח ואם ברזל הוא מתפוצץ שנאמר (ירמיה כג) הלוא כה דברי כאש נאם ה'

מכה: נומי. נמתי פירכילא"ש בלע"ז: אם פיטיב. לקח טוב: שאת. ההכנה על יצרך: משאו ומתנו. של יצה"ר באדם להסיתו: ואם אתה רוצה. עסוק בתורה ואתה מושל בו:

כל היום. קרא יתירה הוא ללמדנו שכל יום ויום יצרו מתחדש: מנוול זה. יצה"ר מתגרה

האסט ליב. און מעגסט דיך באדין איןווארעמע וואסער און אין קאלטע וואסער. און דו זאלסט גאר ניט מורא האבען. עס וועט דיר ניט שאדין. אבער אז דו וועכסט אראפ נעמען דעם פלאסטער וועט דיא מכה פארשפרייט ווערין אין גוף און עס וועט ברייגגען אקראנקקייט. אזוי האט גאט גזאגט צו דיא יודין. מיינע קינדער איך האב בשאפין א יצר הרע. איך האב בשאפין דיא תורה זאל זיין בשמים צום יצר הרע. אויב איר וועט לערנען תורה וועט איר ניט גיגעבין ווערין אין דיא הענט פון יצר הרע. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק הלא אם תיטיב שאת. אויב דו וועסט לערנען תורה וואס זיא ווערט גירופין טוב. וועסטו זיין איבער דעם יצר הרע. דו וועסט גיוועלטיגען אויף אים; און אויב איר וועט ניט לערנען תורה; וועט איר גיגעבין ווערין אין דיא הענט פון יצר הרע; אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ביא דיא טיר ביא דעם ארויס גאנג פון דעם מענטשין אויף דער וועלט ליגט דער יצר הרע דיך צו פאנגען אין זיין נעץ. און נאך מער וועט זיין. דאס גאנצע בשעפטיגונג פון דעם יצר הרע וועט נאר זיין מיט דיר ער זאל דיך מאכין זינדיגען; אזוי וויא עס שטייט אין פסוק צו דיר וועט זיין זיין גלוסטונג. און אויב דו ווילסט לערנען תורה וועסטו גיוועלטיגען אויף דעם יצר הרע; אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דו וועסט גיוועלטיגען אויף אים:

יח תנו רבנן. דיא רבנן האבען גילערונט דער יצר הרע איז שווער; אפילו גאט וואס ער האט אים בשאפין. רופט אים ער איז שלעכט. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דער געדאנקען פון דעם מענטשינס הארץ איז שלעכט פון דער יוגענד. רבי יצחק זאגט דער יצר הרע פון דעם מענטש ווערט אויף אים בנייט אלע טאג. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ער איז נאר שלעכט אגאנצע טאג. רבי שמעון בן לוי זאגט דער יצר הרע פון דעם מענטש שטארקט זיך אויף אים אלע טאג; און ער וויל אים הרגנן. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דער רשע ודער יצר הרע קוקט אויף דעם צדיק און ער וויל אים הרגנן. נאר ווייל גאט העלפט דעם צדיק. דריבער קען אים דער יצר הרע גאר ניט טאהן. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק גאט וועט ניט פאר לאזין דעם צדיק אין האנט פון דעם רשע. וואס מיינט מען דעם יצר הרע. רבי רבי ישמעאל האט גילערונט מיין זוהן אויב דיך האט בגעגינט דער יצר הרע און ער רעט דיך אן צו טאן אעבירה. שלעפטו אים ציהען אין בית המדרש. אויב ער איז הארט וויא א שטיין. וועט ער צוא ריבען ווערין. און אויב ער איז הארט וויא אייזין; וועט ער צוא שפאלטין ווערין אויף קליינע שטיקער. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק מיינע רייד זענען אזוי וויא פייער זאגט גאט. און פייער צו שפאלט דעם אייזין. און מיינע רייד זענען אזוי וויא דער האמער וואס צוא קלאפט דעם שטיין. און נאך

ה' וכפטיש יפוצץ סלע אם אבן הוא נימוח שנאמר (ישעיה נה) הוי כל צמא לכו למים ואומר (איוב יד) אבנים שחקו מים:

נימ פיסקא האב חייב בבנו וכו'] וללמדו אומנות מנא לן אמר חזקיה דאמר קרא (קהלת ט) ראה חיים עם אשה אשר אהבת אם אשה ממש [היא] כשם שחייב להשיאו כך חייב ללמדו אומנות אם תורה היא כשם שחייב ללמדו תורה כך חייב ללמדו אומנות וי"א אף להשיטו בנהר מ"ט חיותיה היא רבי יהודה אומר כל שאינו מלמדו אומנות כאילו מלמדו לסטות מאי בינייהו איכא בינייהו דאגמריה (נמי) עיסקא:

כ תנו רבנן נאמר (שמות כ) כבד את אביך ואת אמך ונאמר (משלי ג) כבד את ה' מהונך השוה הכתוב כבוד אב ואם לכבוד המקום נאמר (ויקרא יט) איש אמו ואביו תיראו ונאמר (דברים ו) את ה' אלהיך תירא השוה הכתוב מוראת אב ואם למוראת המקום נאמר (שמות כא) מקלל אביו ואמו מות יומת ונאמר (ויקרא כד) איש איש כי יקלל אלהיו ונשא חטאו השוה הכתוב ברכת אב ואם לברכת המקום אבל בהכאה ודאי אי

פירוש

נך: מתפוצץ. שהתורה כאש ומשלה כמפעפע את הכרזל:

ראה חיים. אומנות שתחיה בו עם אשה מקיים אומנות לאשה: אם אשה. כהמורה כאן אשה ממש היא כשם שמצינו שחייב אדם להשיאו אשה כך חייב וכו': מאי בינייהו. מאי קא מוסיף ר' יהודה: עיסקא. אם למד סחורה לת"ק הרי למדו חיים ולר' יהודה דאתי לטעמא אומנות דוקא שכמה פעמים שאין לו כמה לעשות סחורה ועומד ומלסטם: ודאי בכבוד אי אפשר. לסקיסם שאין הכאה כלפי מעלה

ווייסען מיר אויב דער יצר הרע איז הארט וויא אשטיין ווערט ער צוא ריבען פון דיא תורה. ווארום עס שטייט אין פסוק ווער עס איז דארשטיג זאל גיין צוא וואסער. איז די תורה גענליכען צוא וואסער. אונ עס שטייט אין פסוק אז וואסער צו רייבט דעם שטיין. קען דאך דיא תורה צוא רייבין דעם יצר הרע וואס ער איז הארט וויא אשטיין:

ימ פיסקא. האב. דער פאטער מוז לערנען דעם קינד אמלאכה. ער זאל האבען פון וואנען צוא לעבין אז ער וועט גרויס ווערין: פון וואנען ווייסען מיר דאס. האט חזקיה גזאגט ווארום עס שטייט אין פסוק ראה חיים עם אשה אשר אהבת. זעה דוא זאלסט האבען פון וואנען צו לעבין מיט דיא אשה וואס דוא האסט ליב. אויב אשה מיינט מען אווייב. אזוי וויא דער פאטער מוז געבין זיין זוהן אווייב: אזוי מוז ער אים לערנען אארבעט ער זאל האבען פון וואנען צוא לעבין מיט זיין ווייב. אונ אויב אשה מיינט מען תורה: אזוי וויא דער פאטער מוז לערנען מיט זיין קינד תורה. אזוי מוז ער אים לערנען אארבעט ער זאל האבען פון וואנען צוא לעבין. אנדערע זאגין דער פאטער מוז לערנען דעם קינד שווימען אין וואסער. ווארום דס איז זיין לעבין. אמאהל בארף דאס אמענטש גאנץ נייטיג צוא האבען. ער זאל באטעווען זיין לעבין. רבי יהודה זאגט דער וואס לערונט ניט זיין קינד אמלאכה. איז גלייך וויא ער וואלט אים לערנען צוא זיין אגזלן. וואס מערט רבי יהודה אויף דיא רייד פון דעם ערשטין תנא. זאגט דיא גמרא אויב דער פאטער האט אים גילערונט אהאנדיל. נאך דעם ערשטין תנא איז שוין דאס גענוג. ווארום דער פאטער האט דאך אים גילערונט פון וואס צוא לעבין. אונ רבי יהודה זאגט נאר אמלאכה מוז אים דער פאטער לערנען. ווארום אהאנדיל אליין איז ניט גענוג. אמאהל האט מען ניט קיין געלט מיט וואס צוא האנדלין. פון וואנען וועט ער לעבין. וועט ער מוזין ווערין אגנב אדער אגזלן:

כ תנו רבנן. דיא רבנן האבען גילערונט עס שטייט אין פסוק כבד את אביך ואת אמך: אונ עס שטייט אין אנדערין פסוק כבד את ה' מהונך. האט דער פסוק גלייך גימאכט דעם כבוד פון פאטער אונ מוטער צום כבוד פון גאט. עס שטייט אין פסוק אמענטש זאל מורא האבען פאר זיין מוטער אונ פאר זיין פאטער. אונ אין אנדערין פסוק שטייט אמענטש זאל מורא האבען פר גאט. האט דער פסוק גלייך גימאכט די מורא פאר פאטער אונ מוטער צו די מורא פר גאט. עס שטייט אין פסוק דער וואס פלוכט זיין פאטער אונ מוטער דארף מען אים הרגנן. אונ אין אנדערין פסוק שטייט אז אמענטש וועט פלוכען גאט וועט ער ליידין זיין זינד. האט דער פסוק

אי אפשר וכן בדין ששלשתן שותפין בו :

כא ת"ר שלשה שותפין הם באדם הקדוש ב"ה ואביו ואמו בזמן שאדם מכבד את אביו ואת אמו אמר הקב"ה מעלה אני עליהם כאילו דרתי ביניהם וכבדוני . תניא רבי אומר גלוי וידוע לפני מי שאמר והיה העולם שבן מכבד את אמו יותר מאביו מפני (דף לא) שמשדלתו בדברים לפיכך הקדים הקב"ה כבוד אב לכבוד אם וגלוי וידוע לפני מי שאמר והיה העולם שהבן מתירא מאביו יותר מאמו מפני שמלמדו תורה לפיכך הקדים הקב"ה מורא האם למורא האב . ותני תנא קמיה דרב נחמן בזמן שאדם מצער את אביו ואת אמו אמר הקב"ה יפה עשיתי שלא דרתי ביניהם שאלמלא דרתי ביניהם צערוני :

כב א"ר יצחק כל העובר עבירה בסתר כאילו דוחק רגלי שכינה שנאמר (ישעיה סו) כה אמר ה' השמים כסאי והארץ הדום רגלי . א"ר יהושע בן לוי אסור לו לאדם שיהלך ד' אמות בקומה זקופה שנא' (שם ו) מלא כל הארץ כבודו רב הונא בריה דרב יהושע לא סגי ד' אמות בגילוי הראש אמר שכינה למעלה מראשי :

שאל

מעלה : וכן בדין . שיקשו לכבוד ומורא על הבן שהרי אף הם שותפין למקום : שלשה שותפין הם . מפרש בברייתא במסכת נדה איש מזריע לובן שבו אשה מזרעת אודם שבו והקב"ה נותן בו נשמה ומראית עין ושמיעת אוזן ודבור : משדלתו . מפתה אותו כדמתרגמינן כי יפתה ארי ישדל : והארץ (כולה) הדום רגלי . והעובר בסתר אומר אין המקום כאן לפיכך הוא נסתר לומר אין יודע נמצא כדוחק רגליו ומקצרן לומר אין כאן : מלא כל הארץ . משמע מתרבב ויורד למטה והזוקף קומתו נראה כדוחק :

גלייך גימאַכט דאָס פלוכין פון פאָטער אונ מוטער צוא דעם פלוכין פון גאָט . גאָר צום שלאָגין קען מען זייא ניט פאַר גלייכין . וואָרום מען קען דאָך ניט זאָגין ער האָט גישלאָגן גאָט . אונ דער דין דאַרף אויך זיין . אז אַלע דריי זאָלין זיין גלייך . וואָרום אין דעם מענטש זענען דאָ דריי שותפין . גאָט . דער פאָטער . דיא מוטער :

כא תנו רבנן . דיא רבנן האָבען גילערנט דרייא שותפים איז דאָ אין דעם מענטש . גאָט . דער פאָטער . דיא מוטער . אַז דער מענטש גיט כבוד צו זיין פאָטער אונ מוטער . זאָגט גאָט איך רעכין אויף זייא גלייך ווייא איך וואָלט אויך גיוואָהנט מיט זייא אונ מען וואָלט מיר אויך גיגעבין כבוד . מיר האָבען גילערנט רבי זאָגט גאָט ווייל ווייסט אַז אַקינד גיט כבוד צוא דיא מוטער מער וויא צום פאָטער . ווייל דיא מוטער נעמט אים איין מיט גוטע רייד . האָט ער איהר ליבער וויא דעם פאָטער . דריבער האָט גאָט גישטעלט כבד את אביך ואת אמך . זאָלסט געבין כבוד דיין פאָטער אונ דיין מוטער . פריער דעם פאָטער דער נאָך דיא מוטער . אונ ווייל גאָט ווייסט אַז אַקינד האָט מורא פאַר דעם פאָטער מער וויא פאַר דיא מוטער : ווייל דער פאָטער לערנט תורה מיט אים . דריבער האָט גאָט גישטעלט איש אמו ואביו תיראו . אַמענטש זאָל מורא האָבען פאַר זיין מוטער אונ פאַר זיין פאָטער . פריער דיא מוטער דער נאָך דעם פאָטער . אַתנא האָט גילערנט פאַר רב נחמן ווען אַמענטש איז מצער זיין פאָטער אונ מוטער . זאָגט גאָט איך האָב גוט גיטאָהן וואָס איך וואָהן ניט צווישען זייא . וואָרום ווען איך וואָלט גיוואָהנט צווישען זייא . וואָלט ער מיך אויך מצער גיוועזן :

כב אמר . רבי יצחק האָט גיזאָגט דער וואָס טוהט אַ עבירה אין דער שטיל . קיינער זאָל נישט וויסען . איז גלייך וויא ער וואָלט אַוועק גישטויסין דיא פיס פון גאָט . ער זאָגט אויף דעם אָרט איז גאָט נישטאָ . וואָרום עס שטייט אין פסוק אַזוי האָט גאָט גיזאָגט די הימעל איז מיין שטוהל אונ דיא ערד איז מיין פוסין בייגקול . רבי יהושע בן לוי זאָגט אַמענטש טאָר ניט גיין פיר איילין דעם קאָפ אויף גיהויבין אין דער הייך צום הימעל . וואָרום עס שטייט אין פסוק דיא גאַנצע וועלט איז פול מיט דעם כבוד פון גאָט . דריבער דאַרף אַמענטש גיין מיט מורא אונ מיט אונטערטעניגקייט . רב הונא דער זוהן פון רב יהושע איז ניט גיגאַנגען פיר איילין אָפגידעקט דעם קאָפ . וואָרום ער האָט גיזאָגט דיא שכינה איז איבער מיין קאָפ . דריבער דאַרף איך גיין מיט מורא אונ מיט אונטערטעניגקייט :

כג שאל בן אלמנה אחת את ר' אליעזר אבא אומר השקני מים ואימא אומרת השקני מים איזה מהם קודם א"ל הנח כבוד אמך ועשה כבוד אביך שאתה ואמך חייבים בכבוד אביך בא לפני ר' יהושע א"ל כך אמר לי רבי נתגרשה מהו א"ל מבין ריסי עיניך ניכר שבן אלמנה אתה הטל להם מים בספל וקעקע להם כתרנגולים:

כד דרש עולא רבה אפתחא דבי נשיאה מ"ד (תהלים קלח) יודוך ה' כל מלכי ארץ כי שמעו אמרי פיך מאמר פיך לא נאמר אלא אמרי פיך. בשעה שאמר הקב"ה (שמות כ) אנכי ולא יהיה לך אמרו אוה"ע לכבוד עצמו הוא דורש כיון שאמר (שם) כבד את אביך ואת אמך חזרו והודו למאמרות הראשונות רבא אמר מהכא (תהלים קיט) ראש דברך אמת ראש דברך ולא סוף דברך אלא מסוף דברך ניכר שראש דברך אמת:

א"ל כך. כך יהושע השיבו מתוך שהשיב לו ר' אליעזר: נתגרשה. שאין אמי חייבת בכבוד אבי מהו: מבין ריסי עיניך. שער שבשורות כסוי העין אתה ניכר שהיית יתום ונשרו ריסי עיניך מן הבכי כדאמרינן [בסנהדרין דף קד] והיה ר"ג שומע קולה ובוכה בלילה עד שנשרו ריסי עיניו: שבן אלמנה אתה. ולא צריך אתה למעשה אלא ללמוד באה ולכך אומר לך שהכנה שאינה בוה עליך: הטל להם מים בספל וקעקע. קרקר להם כמו שמקרקרין לתרנגולין ולפי שלא היה צריך לעשות והוא שאלו כמו שעליו לעשות [אמר לי אבא ואימא השיבו בלשון שחוק]:

חזרו והודו למאמרות הראשונות. כ"ש שחייב אדם בכבודו שאף הוא שותף בבריאתו כאביו ואמו ומייו ומזונו מסורין בידו: ראש דברך אמת. לא שתקן הכתוב לומר ראש דברך אמת אלא לפי שהיו מרננים אחר דברים הראשונים לומר בכבודו הוא רוצה ועכשיו שאמר כבד והודו כששמעו סוף דבריו למדו שראש דבריו אמת:

בעו

כג שָׁאַל. דֶער זוּהן פוּן אַאַלְמָנָה הָאט גֶיפְרֶעגְט בַּייא רַבִּי אֱלִיעֶזֶר. אַז דֶער פָאטֶער זָאגְט צוּם זוּהן עֶר זָאל אִים גֶעבִּין אַטְרוּנְק וַואסֶער. אוּנ דִיא מוּטֶער זָאגְט צוּם זוּהן עֶר זָאל אִיר גֶעבִּין אַטְרוּנְק וַואסֶער. וֶועמֶען זָאל עֶר פְרִיעֶר גֶעבִּין. הָאט רַבִּי אֱלִיעֶזֶר גְזָאגְט צוּ אִים דוּ זָאלְסְט אַוֶועק לָאזִין דֶעם כָּבוֹד פוּן דַיין מוּטֶער. אוּנ זָאלְסְט טָאהן דֶעם כָּבוֹד פוּן דַיין פָאטֶער. וָוארוּם דוּ מִיט דַיין מוּטֶער דַארְפְט אִיר גֶעבִּין כָּבוֹד דַיין פָאטֶער. דֶער נָאךְ אִיז עֶר גִיקוּמֶען פְרֶעגִין דֶעם דִין בַּייא רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ. הָאט רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ אִים גִיעֶנְטְפֶערְט אַזוֹי וִויא רַבִּי אֱלִיעֶזֶר הָאט גְזָאגְט. הָאט עֶר גִיפְרֶעגְט בַּייא רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ וִויא אִיז אַז דִיא מוּטֶער אִיז גִיגֶט גִיוָוארִין וָואס זִיא דַארְף שׁוֹין נִיט גֶעבִּין כָּבוֹד מַיין פָאטֶער אוּנ מַיין פָאטֶער וִויל אִיךְ זָאל אִים בְּרֵיינְגֶען וַואסֶער. אוּנ מַיין מוּטֶער וִויל. אִיךְ זָאל אִיר בְּרֵיינְגֶען וַואסֶער. וֶועמֶען זָאל אִיךְ בְּרֵיינְגֶען פְרִיעֶר. הָאט רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ צוּ אִים גְזָאגְט פוּן דִיא בְּרֶעמֶען פוּן דַיינֶע אוֹיגִין זֶעהט מֶען אַז דוּ בִּיסְט אַזוּהן פוּן אַאַלְמָנָה. אוּנ דַיין פָאטֶער אִיז גִישְׁטָארְבִּין. אוּנ פוּן פִיל וֵויינֶען אִיז דִיר אַרוֹיס גִיפַאלִין דִיא הָאר פוּן דַיינֶע בְּרֶעמֶעךְ. דוּא אַלֵיין פַאר דִיר דַארְפְסְט נִיט וִויסֶען דֶעם דִין. וָוארוּם דוּא הָאסְט דָאךְ נִיט קֵיין פָאטֶער. זָאלְסְטוּ אַזוֹי טָאהן גִיס אַרֵיין וַואסֶער אִין אַבֶּעקִין אוּנ זָאלִין דִיא בֵּיידֶע טְרִינְקֶען צוּא זַאמֶען וִויא דִיא הִינֶער. רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ הָאט אִים גִיעֶנְטְפֶערְט מִיט גִילֶעכְטֶער:

כד דָרַשׁ. עוּלָּא רַבָּה הָאט גִידְרָשֶׁעט בַּייא דִיא טִיר פוּן נָשִׂיא עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק גָאט דִיךְ וֶועלִין לוֹיבִּין אַלֶע קֶענִיגֶען פוּן דִיא וֶועלְט כִּי שָׁמְעוּ אִמְרֵי פִיךָ. עֶס שְׁטֵייט נִיט מַאֲמַר פִּיךָ. דֶעם זָאג פוּן דַיין מוֹיל: אֵיין זָאג: נָאר עֶס שְׁטֵייט אִמְרֵי פִיךָ: דִיא זָאג פוּן דַיין מוֹיל. פִיל זָאג. נָאר אַזוֹי אִיז גִיוֶועזִין. ווֶען גָאט הָאט גְזָאגְט אָנֹכִי אוּנ לֹא יִהְיֶה לְךָ. הָאבֶּען דִיא פֶעלְקֶער גְזָאגְט גָאט דַרְשֶׁעט נָאר פוּן זַיין כָּבוֹד וֶועגִין. דְרִיבֶּער זָאגְט עֶר נָאר אִיךְ בִּין אַגָאט. אוּנ אִיר זָאלְט נִיט הָאבֶּען קֵיין אַנְדֶער גָאט. וִויא גָאט הָאט גְזָאגְט דוּ זָאלְסְט גֶעבִּין כָּבוֹד דַיין פָאטֶער אוּנ דַיין מוּטֶער. הָאבֶּען זֵייא גְזָאגְט אַז גָאט אִיז טַאקִי גִירֶעכְט. אִים דַארְף מֶען גֶעוִויס גֶעבִּין כָּבוֹד. וָוארוּם עֶר הָאט דָאךְ גִיגֶעבִּין דֶעם מֶענְטְשִׁין דִיא נְשָׁמָה. אוּנ דָאס גַאנְצֶע לֶעבִּין פוּן דֶעם מֶענְטְשׁ אִיז אִין זַיין הַאנְט. רָבָא זָאגְט פוּן דֶעם פָּסוּק דָוִד הַמֶּלֶךְ הָאט גְזָאגְט רֹאשׁ דְבָרְךָ אֱמֶת. דֶער אָן הֵייבּ פוּן דַיינֶע רֵייד אִיז אֱמֶת. אִיז דֶען נָאר דֶער אָן הֵייבּ רֵייד אֱמֶת. אוּנ נִיט דֶער סוֹף רֵייד. נָאר אַזוֹי מֵיינְט מֶען פוּן דַיין סוֹף רֵייד דֶער קֶענְט מֶען אַז דֶער אָן הֵייבּ פוּן דַיינֶע רֵייד אִיז אוֹיךְ אֱמֶת:

כה בעו מיניה מרב עולא עד היכן כבוד אב ואם אמר להם צאו וראו מה עשה נכרי אחד לאביו באשקלון ודמא בן נתינה שמו פעם אחת בקשו חכמים פרקמטיא בששים רבוא שכר והיה מפתח מונח תחת מראשותיו של אביו ולא ציערו. אמר רב יהודה אמר שמואל שאלו את ר' אליעזר עד היכן כבוד אב ואם אמר להם צאו וראו מה עשה נכרי אחד באשקלון ודמא בן נתינה שמו אמרו פעם אחת בקשו ממנו חכמים אבנים לאפוד בס' רבוא שכר ורב כהנא מתני בשמונים רבוא והיה מפתח מונח תחת מראשותיו של אביו ולא ציערו לשנה האחרת נתן לו הקב"ה שכרו שנולדה לו פרה אדומה בעדרו נכנסו חכמי ישראל אצלו אמר להם יודע אני בכם שאם מבקש אני מכם כל ממון שבעולם אתם נותנים לו אלא אין אני מבקש מכם אלא אותו ממון שהפסדתי בשביל כבוד אבא (וכששמעו חכמים בדבר אמרו) [ואר"ח] ומה מי שאינו מצווה ועושה כך מצווה ועושה עאכ"ו דאר"ח גדול מצווה ועושה ממי שאינו מצווה ועושה. אמר רב יוסף מריש הוה אמינא מאן דהוה אמר לי הלכה כר' יהודה דאמר סומא פטור מן המצות עבידנא יומא טבא

בס' רבוא שכר. היה משתכר בס' רבוא דינרי זהב: תחת מראשותיו של אביו. והוא ישן: ומה מי שאינו מצווה ועושה. כך שילם לו הקב"ה שכרו: כר' יהודה דאמר סומא פטור מן המצות. בב"ק פ'

כה בעו. מען האט גיפרעגט ביא רב עולא ביז וויא וויט דארף זיין דער כבוד וואס מען דארף געבין פאטער אונ מוטער. האט עולא צוא זייא גזאגט גייט זעהט וואס אגוי האט גיטאהן צוא זיין פאטער אין דער שטאט אשקלון. אונ אזוי האט דער גוי גיהייסען דמא בן נתינה. אמאהל האבען דיא חכמים גידארפט קויפען סחורה אונ האבען אים גיוואלט געבין זעקס מאהל הונדערט טויזענד רענדלאך צוא פאר דינען. אונ דער שליסול פון די סחורה איז גילעגין אונטער דיא קישין צו קאפין פון זיין פאטער: אונ דער פאטער איז גישלאפען. האט ער ניט גיוואלט אויף וועקין דעם פאטער ארויס נעמען דעם שליסול. רב יהודה האט גזאגט פון שמואלס וועגין מען האט גיפרעגט ביי רבי אליעזר. ביז וויא וויט דארף זיין דער כבוד וואס מען דארף געבין פאטער אונ מוטער. האט רבי אליעזר צוא זייא גזאגט גייט זעהט וואס אגוי האט גיטאהן צוא זיין פאטער אין אשקלון. דער גוי האט גיהייסען דמא בן נתינה. מען האט גזאגט אמאהל האבען דיא חכמים גיוואלט בייא אים קויפען שטיינער צום אפוד: אונ האבען אים גיוואלט געבין זעקס מאהל הונדערט טויזענד רענדלאך צוא פאר דינען. רב כהנא האט גילערנט אכט מאהל הונדערט טויזענד רענדלאך צום פאר דינען האט מען אים גיוואלט געבין. אונ דער שליסול פון דיא שטיינער איז גילעגין אונטער דיא קישין צוא קאפין פון זיין פאטער. אונ דער פאטער איז גישלאפען. האט ער ניט גיוואלט אויף וועקין דעם פאטער ארויס נעמען דעם שליסול. אויף דעם אנדערין יאהר האט אים גאט בצאהלט זיין פאר דינסט. עס איז גיבארין גיווארין א פרה אדומה אין זיין סטאדע. זענען גיקומען דיא חכמים צוא אים קויפען דיא פרה אדומה. האט דמא גזאגט צוא דיא חכמים איך וייס אז איך וועל זאגין איר זאלט אוועק געבין אייער גאנץ פאר מעגין אונ דאס גאנצע געלט פון דער וועלט. וועט איר מיר געבין פר דיא פרה אדומה: נאר איך פאר לאנג ניט מער פון אייך נאר איר זאלט מיר צוריק געבין דאס געלט וואס איך האב שאדין גיהאט דורך דעם כבוד פון מיין פאטער. וויא דיא חכמים האבען דאס גיהערט. האבען זייא גזאגט. מאדאך דער וואס איז ניט פאר באטין צוא געבין כבוד זיין פאטער. אונ ער האט יא גיגעבין כבוד זיין פאטער: האט אים גאט אזוי בצאהלט. דער וואס איז פאר באטין צוא געבין כבוד זיין פאטער. אונ ער גיט אים כבוד. וויא פיל וועט שוין גאט אים בצאהלין. ווארום רבי חנינא האט גזאגט דער וואס איז גיבאטין אויף אזאך ער זאל איר טאהן. אונ ער האט איר גיטאהן. איז דיא מצוה גרעסער. וויא דער וואס איז ניט גיבאטין צו טאהן דיא מצוה. אונ ער האט איר גיטאהן. רב יוסף האט גזאגט אין אנהייב פלעג איך זאגין

טבא לרבנן אמינא אנא לא מפקידנא וקא עבידנא השתא דשמענא להא דאמר ר' חנינא גדול מצווה ועושה יותר ממי שאינו מצווה ועושה מאן דאמר לי דאין הלכה כר' יהודה עבידנא יומא טבא לרבנן :

כי אתא רב דימי אמר פעם אחת היה לבוש סיאקון של זהב והיה יושב בין גדולי רומי ובאתה אמו וקרעתו ממנו וטפחה לו על ראשו וירקת לו בפניו ולא הכלימה (ונפל קורדקסין שלה והושיטו לה שלא תצטער) . תני אבימי בריה דר' אבהו יש מאכיל לאביו פסיוני וטורדו מן העולם ויש מטחינו בריחים (פ"כ) ומביאו לעוה"ב א"ר אבהו כגון אבימי ברי קיים מצות כבוד חמשה בני סמכי הוו ליה לאבימי בחיי אביו וכי הוה אתי ר' אבהו קרי אבבא רהיט ואזל ופתח ליה ואמר אין אין ארמטאי התם יומא חד א"ל אשקיין

פ' כאונג : לא מפקידנא. שהיה סגי נהור : יומא טבא לרבנן. סעודה לתלמידים : פעם אחת היה לבוש. דמא בן נתינה : סירקון. לבוש שקורין סינד"ל : של זהב מרוקם בחוטי זהב : פסיוני. עוף השמן וממין מין שליו שירד במדבר : וטורדו מן העולם. שנענש עליו שמראה לו צרות עין על סעודתו : ויש מטחינו בריחים. שהיא מלאכה קשה : ומביאו לעוה"ב. שמכבדו בדברו דברים טובים ונחומים ומלאכה מטיל עליו בלשון רכה ומראה לו צורך השעה שאין יכולין להתפרנס אלא ביגיעה זו. בתלמוד ירושלמי גרסינן מעשה בבניהם מעשה באחד שהיה מאכיל לאביו פסיוני פעם אחת אמר לו אביו מאין לך כל אלה א"ל אבא מאי איכפת לך טחון ואכול כלומר לעוס ואכול הראהו שקשה לו וש"א מעשה באחד שהיה טוחן ברחים והיה לו אב זקן שלח המלך בשביל אביו לבא לעבודת המלך א"ל בנו אבא טחן ואני אלך התחתיך לעבודת המלך שאין לה קצבה (אי לבזיונא טב לך ואם למלקי טב לך) : ה' בני סמכי הוו לי' לאבימי בחיי אביו. ואפ"ה כי הוה קרי ר' אבהו אבבא היה אבימי רץ ופותח לו והיה מניח לאחד מבניו ליפתח : אין אין. הפהם

דער וואס וועט מיר זאגין אז דער דין איז וויא רבי יהודה וואס ער זאגט אז א בלינדער איז פטור פון מצות. וועל איך מאכען איום טוב פאר דיא רבנן. ווארום רב יוסף איז גיוועזן בלינד. ווייל איך דארף ניט טאהן מצות אונ איך טוה יא, וועל איך האבען מער שכר, איצט אז איך האב גיהערט וואס רבי חנינא האט גזאגט דער וואס איז גיבאטין אויף אזאך ער זאל איר טאהן. אונ ער האט איר גיטאהן. איז דיא מצוה גרעסער. וויא דער וואס איז ניט גיבאטין צוא טאן דיא מצוה. אונ ער האט איר גיטאהן. וועט מיר זאגין אז דער דין איז ניט וויא רבי יהודה. נאר איך בין אויך גיבאטין צוא טאהן מצות. וועל איך מאכען איום טוב פר דיא רבנן :

כי. אז רב דימי איז גיקומען פון ארץ ישראל האט ער גזאגט אמאהל איז דמא בן נתינה גיוועזן אנגיקלייד אין א גאלדענעם מאנטיל אונ איז גיזעסין צווישען דיא גרויסע לייט פון רוים. איז גיקומען דיא מוטער אונ האט אראפ געריסען פון אים דעם מאנטול. אונ האט אים געשלאגין אויף דעם קאפ. אונ האט אים געשפיגען אין פנים. אונ ער האט איר ניט פארשעמט. דער ווייל איז אראפ גיפאלין פון דיא מוטער איר מאנטיל. האט ער אים אויף גיהויבין אונ האט איר דערלאנגט. זיא זאל ניט צער האבען אויף צו הייבין דעם מאנטול. אבימי דער זוהן פון רבי אבהו האט גילערנט עס איז אמאהל דא איינער וואס גיט עסין זיין פאטער פעטע פייגעלאך. אונ ער ווערט אזוי גישטראפט אז ער גייט אוועק פון דער וועלט ווייל ער ווייזט אים אז ער פארגינט אים ניט דאס עסין. אונ ער רעט שלעכטע רייד. אונ עס איז דא איינער וואס ער שטעלט זיין פאטער ביא א מיהל שטיין ער זאל ארבייטין. אונ דאס ברייננט אים צוא עולם הבא. אז ער רעט מיט דעם פאטער מיט גוטען אונ מיט כבוד. דוא זעהסט איך בין ארעם. מיר וועלין ביידע ארבייטין. וועלין מיר ביידע האבען פון וואנען צוא לעבין. אדער נאך אנדערע גוטע רייד. רבי אבהו האט גזאגט מיין זוהן אבימי האט מקיים גיוועזן דיא מצוה צוא געבין כבוד מיך זיין פאטער. אבימי האט גיהאט פינף גרויס זיהן ווען זיין פאטער רבי אבהו האט נאך גילעבט. אונ אז רבי אבהו פלעגט קומען אהיים אונ פלעגט אן קלאפין אויף דיא טיר מען זאל אים עפענען. פלעגט אבימי ניט לאזין איינער פון זיינע קינדער זאל גיין עפענען דיא טיר. נאר ער פלעגט אליין לויפען צוא דיא טיר אונ לויפענדיג פלעגט ער שרייען יא יא איך עפין ביז ער איז גיקומען צוא דיא טיר אונ האט אים גיעפינט. אמאהל האט רבי אבהו גזאגט צוא זיין זוהן אבימי ברייננ מיר א טרונק וואסער. אידער ער האט גיבראכט איז

אשקיין מיא אדאייתי ליה נמנם גחין קאי עליה עד דאיתער אסתייעא מלתיה ודרש אביכי (תהלים עט) מזמור לאסף אלהים באו גוים בנחלתך א"ל רב יעקב בר אבוה לאביי כגון אנא דעד דאתינא מבי רב אבא מדלא לי כסא ואמא מזגא לי היכי אעביד א"ל מאמך קביל ומאביך לא תקבל דכיון דבר תורה הוא חלשא דעתיה. ר' טרפון הוה ליה ההיא אימא דכל אימת דהות בעיא למיסק לפוריא גחין וסליקה [וכל אימת דהות נחית נחתא עלויה] אתא וקא משתבח בי מדרשא אמרי ליה עדיין לא הגעת לחצי כבוד כלום זרקה ארנקי בפניך לים ולא הכלמתה. רב יוסף כי הוה שמע קל כרעא דאימיה אמר איקום מקמי שכינה דאתיא אמר רבי יוחנן אשרי מי שלא חמאן ר יוחנן עברתו אמו מת אביו ילדתו מתה אמו וכן אביי [איני והאמר אביי אמרה לי אם ההיא מרבינתי' הואי]:

כז רב אסי ה"ל ההיא אימא זקנה א"ל בעינא תכשיטים עבד לה בעינא גברא ניעיין לך בעינא

אפתח: אסתייעא מילתיה. בעודו גחין לפניו שהבין במדרש מזמור אחד שבס' תהלים שלא היה מבין בו קודם לכן לדורשו יש מפרשים שבמקרא זה לבדו דרש מזמור לאסף אלהים באו גוים בנחלתך וגו' קינה לאסף מיבעי לי' ודרש כך שאמר אסף שירה על שכילה הקב"ה חמתו בעצים ובאבנים שבביתו ומתוך כך הותיר פליטה בישראל שאלמלא כך לא נשתייר מהם שריד וכה"א כלה ה' את חמתו ויצת אש בציון: כגון אנא. שאני יחיד ואהוב לאבי ויקר לאמי ועושין לי זאת מה אעשה: כיון דבר תורה הוא חלשה דעתיה: אם תקבל ממנו עבודה: אשרי מי שלא חמאן. שאי אפשר לקיים כבודם ככל הצורך והוא נענש עליהם: מרבינתי'

רבי אבהו אנטשלאפין גיווארין. איז אבימי גישטאנען איין גיבויגין נעבין פאטער מיט דיא וואסער ביז דער פאטער האט אויף גיוואכט פון שלאף. ווען אבימי איז גישטאנען נעבין פאטער האט ער גיטראכט אין דעם קפיטל תהלים מזמור לאסף אלהים באו גוים בנחלתך. האט אים גאט גיהאלפין צוא דרשנן אדרשה אויף דעם קפיטל. רב יעקב בר אבוה האט גזאגט צוא אביי אזוי וויא איך אידער איך קום פון בית מדרש טראגט שוין מיין פאטער אגלאז. אונ מיין מוטער גיסט שוין אריין וויין אין גלאז. וואס זאל איך טאהן. האט אביי צוא אים גזאגט אז דיין מוטער טוהט אזאך פון דיינעטוועגין זאלסטו אן נעמען. אונ אז דיין פאטער טוהט אזאך פון דיינעטוועגין זאלסטו ניט אן נעמען. ווייל דיין פאטער איז אלמדן וועט אים אמאהל פארדריסען פאר וואס ער בדינט דיך. רבי טרפון האט גיהאט אמוטער ווען זיא פלעגט דארפין אריין גיין אין בעט. פלעגט זיך רבי טרפון לייגין נעבין בעט. אונ זיא פלעגט זיך שטעלין אויף רבי טרפון אונ פון אים פלעגט זיא אריין גיין אין בעט. אונ ווען זיא פלעגט דארפין אראפ גיין פון בעט. פלעגט זיך רבי טרפון לייגין נעבין בעט אונ זיא פלעגט זיך שטעלין אויף רבי טרפון: אונ פון אים פלעגט זיא אראפ גיין אויף דער ערד. איז רבי טרפון גיקומען אין בית המדרש אונ האט זיך בערימט אז ער איז מקיים דיא מצוה כבוד אם. האבען דיא חכמים צוא אים גזאגט דוא ביסט נאך ניט גיקומען צוא העלפט וויא מען דארף געבין כבוד. האט דיך שוין גיטראפען אז דיין מוטער האט גענומען דיינע אבייטול געלט אונ האט אריין גיווארפען אין ים. אונ דוא האסט איר ניט פאר שעמט פאר וואס זיא האט אזוי גיטאהן. רב יוסף אז ער האט גיהערט דעם קול פון די טריט פון זיין מוטער. האט ער גזאגט איך וועל אויף שטיין פאר דיא שכינה זיא קומט אן. רבי יוחנן זאגט וואול צוא דעם וואס הט ניט גיזעהן זיין פאטער אונ מוטער. ווארום עס איז ניט מיגלאך אפ צוא היטען זיך מען זאל זייא ניט דער צערנען. אונ מען זאל זייא געבין כבוד אזוי וויא דער דין איז. ווען דיא מוטער איז מעוברת גיווארין מיט רבי יוחנן: איז גישטארבען זיין פאטער. אונ ווען דיא מוטער האט אים גיבארין. איז דיא מוטער גישטארבין. אונ בייא אביי איז אויך אזוי גיוועזן: פרעגט דיא גמרא אביי פלעגט דאך זאגין אלע מאהל מיין מוטער האט מיר גיזאגט. ענפערט דיא גמרא דיא פרויא וואס האט איהם דער צויגען. האט ער זיא גירופען מוטער:

כז רב אסי האט גיהאט אאלטע מוטער. האט דיא מוטער גזאגט איך וויל צירונג. הט רב אסי גיקויפט כון אירעט וועגין צירונג. דער נאך האט דיא מוטער גזאגט איך וויל אמאן. הט

בעינא גברא דשפיר כוותך שבקה ואזל לארץ ישראל שמע דקאזלה אבתריה אתא לקמיה דרבי יוחנן א"ל מהו לצאת מא"י לח"ל א"ל אסור לקראת אימא מהו א"ל איני יודע (ארתה) [אתרה] פורתא הדר אתא א"ל אסי נתרצית לצאת המקום יחזירך לשלום אתא לקמיה דר' אלעזר א"ל ח"ו דילמא מירתח רתח א"ל מאי אמר לך א"ל המקום יחזירך לשלום א"ל ואי איתא דרתח לא הוה מברך לך אדהכי והכי שמעי לארונה דקאתי אמר אי ידעי לא נפקא:

כח ת"ר מכבדו בחייו ומכבדו במותו בחייו כיצד הנשמע בדברי אביו למקום לא יאמר שלחוני בשביל עצמי מהרוני בשביל עצמי פטרוני בשביל עצמי אלא כולהו בשביל אבא. במותו כיצד היה אומר דבר שמועה מפיו לא יאמר כך אמר אבא אלא כך אמר אבא מרי הריני כפרת משכבו וה"מ תוך י"ב חדש מכאן ואילך אומר זכרונו לברכה לחיי העוה"ב:

תרבינתי. אומנת: נתרצית לצאת. סבור היה דעתו לחזור למקומו לבבל: יחזירך לשלום. עד מקומך: א"ל. ר' אסי לר"א דילמא ח"ו מירתח רתח עלי ר' יוחנן:

הנשמע בדברי אביו למקום. אם מכיר באנשי המקום שמכבדים את אביו לחלוק לו כבוד לקבל דברים שיאמר בשמו אל יתלה הכבוד בעצמו ואפי' יודע שיכבדוהו כאביו אלא יתלה הכבוד באביו: שלחוני בשביל אבא. שהוא צריך לי אבל אם אינו נשמע למקום בדבר אביו כדבר עצמו אל יתלה בשביל אביו שאינו לו אלא גנאי: הריני כפרת משכבו. עלי יבא כל רע הראוי לבא על נפשו: מכאן ואילך. כבר קבל מה שקבל שאין משפט רשעי ישראל בגיהנם אלא י"ב חדש:

רב אסי גזאגט איך וועל זוכען פון דיינעט וועגין אמאן. דער נאך האט זיא גזאגט איך וויל אמאן ער זאל זיין אזוי שיין וויא דוא. האט רב אסי גילאזען דיא מוטער אונ ער איז אנטלאפין אין ארץ ישראל: האט רב אסי גיהערט אז דיא מוטער זיינע קומט אין ארץ ישראל. איז רב אסי גיקומען פאר רבי יוחנן אונ האט אים גיפרעגט אויב ער מעג ארויס גיין פון ארץ ישראל אין חוץ לארץ. האט רבי יוחנן גזאגט מען טאר ניט. האט רב אסי ווייטער גיפרעגט געגין אמוטער מעג מען ארויס גיין פון ארץ ישראל אין חוץ לארץ. אדער גיין. האט רבי יוחנן גזאגט איך וויים ניט. האט רב אסי געוואַרט אביסול. אונ איז נאך אמאהל גיקומען פאר רבי יוחנן. האט רבי יוחנן גזאגט צוא רב אסי. אסי דוא ווילסט גיין צוריק אין בבל. גאט זאל דיך ברייננגען אויף דיין ארט אין בבל מיט פרידען. איז רב אסי גיקומען פאר רבי אלעזר. אונ האט גזאגט צוא אים טאמער חס ושלום איז רבי יוחנן אין כעס אויף מיר. האט רבי אלעזר גזאגט צוא רב אסי וואס האט דיר רבי יוחנן גזאגט. האט רב אסי גזאגט רבי יוחנן האט צוא מיר גזאגט גאט זאל דיך ברייננגען אויף דיין ארט אין בבל מיט פרידען. האט רבי אלעזר גזאגט צוא רב אסי. ווען רבי יוחנן וואלט אויף דיר אין כעס גיוועזן וואלט ער דיך ניט גיבענשט. אונ רב אסי איז ארויס גיגאנגען פון ארץ ישראל געגין דיא מוטער דער ווייל האט מען גיהערט אז דיא מוטער פון רב אסי איז גישטארבען אונ מען פירט איר אין ארץ ישראל צוא בגראבען זיא. האט רב אסי גזאגט ווען איך וואלט וויסען אז מיין מוטער לעבט שוין ניט וואלט איך ניט ארויס גיגאנגען פון ארץ ישראל געגין איר:

כח תנו רבנן. דיא רבנן האבען גילערנט. אזוהן דארף געבין כבוד זיין פאטער ווען ער לעבט. אונ ער דארף אים געבין כבוד נאך זיין טויט. וויא אזוי גיט מען כבוד צו אפאטער ווען ער לעבט. אז דער זוהן וויים אז דיא מענטשין פון זיין שטאט גיבען כבוד צו זיין פאטער. אונ אז ער וועט צוא זייא זאגין אין זיין פאטערס נאמען. וועלין זייא פאלגין. זאל ער ניט זאגין אין זיין נאמען. נאר אין זיין פאטערס נאמען. למשל אז דער זוהן איז אין אשטאט אונ מען וויל אים ניט אוועק לאזין. זאל ער ניט זאגען שיקט מיך אוועק ווייל איך דארף זיין אין דער היים אונ ער זאל ניט זאגין גיעשווינדט שיקט מיך אוועק ווייל איך דארף זיין אין דער היים. פערטיגט מיך אפ ווייל איך דארף זיין אין דער היים. נאר ער זאל זאגין שיקט מיך צוא: מיין פאטער ווארום מיין פאטער דארף מיך. וויא אזוי גיט מען כבוד צוא אפאטער נאך זיין טויט. אז דער זוהן דער צייל׳ט עפעס אזאך וואס דער פאטער האט גזאגט. זאל ער ניט זאגין אזוי האט מיין פאטער גזאגט. נאר ער זאל זאגין אזוי האט גזאגט מיין הער מיין פאטער איך זאל

כט תנו רבנן איזהו מורא ואיזהו כבוד מורא לא עומד במקומו ולא יושב במקומו ולא סותר את דבריו ולא מכריעו כבוד מאכיל ומשקה מלביש (ומנעיל) [ומכסה] מכנים ומוציא. איבעיא להו (דף לב) משל מי רב יהודה אמר משל בן רב נתן (אמר רב) [בר] אושעיא [אמר] משל אב. [מיתיבי נאמר (שמות כ) כבד את אביך ונאמר (משלי ג) כבד את ה' מהונך מה להלן בחסרון כיס אף כאן בחסרון כיס ואי אמרת משל אב מאי נפקא ליה מיניה לבטול מלאכה]. שאלו את ר' אליעזר **עד** היכן כבוד אב ואם אמר להם כדי שיטול ארנקי (של דינרים) ויטילנו לים בפניו ולא יכלימנו:

לא עומד במקומו. מקום המיוחד לאביו לעמוד שם בסוד זקנים. עם חביריו בעצה: ולא מכריעו. אם היה אביו וחכם אחר חלוקים בדבר הלכה לא יאמר נראין דברי פלוני: משל מי. מאכילו ומשקהו ומכבדו: ודילמא רתח. ואמר לאבוה מידי בריתחיה: וקעבר רב הונא: משום ולפני עור לא תתן מכשול.

ל רב הונא קרע שיראי באפי רבה בריה אמר איזיל איחזי אי רתח אי לא רתח ודילמא רתח וקעבר (ויקרא יט) אלפני עור לא תתן מכשול דמחיל ליה

זיין אכפרה פאר זיין גילעגער ופאר אים). אזוי זאל דער זוהן זאגין ביז צוועלף חדשים נאך זיין שטארבין. פון נאך צוועלף חדשים אונ ווייטער אז דער זוהן דער מאנט זיין פאטער. זאל ער זאגין זכרונו לברכה לחיי העולם הבא:

כט תנו רבנן: דיא רבנן האבען גילערונט וואס הייסט מורא פאר אפאטער. אונ וואס הייסט כבוד געבין דעם פאטער. מורא הייסט אויב דער פאטער האט אבאזונדער ארט צום שטיין אדער צום זיצען. טאר ניט דער זוהן שטיין אויף דעם פאטערס ארט. אונ ער טאר ניט זיצען אויף דעם פאטערס ארט. אונ אז דער פאטער רעט עפעס אפילו ער האט אטעות. טאר ער ניט זאגין צום פאטער עס איז ניט וויא דו זאגסט. אונ אויב דער פאטער קריגט מיט איינעם אין אדין אדער אין איין אנדער זאך. טאר ער ניט זאגין מיר גיפעלט בעסער וויא מיין פאטער זאגט. ווארום עס זעהט אויס אז דער פאטער דארף דער זוהן זאל זאגין וויא ער. וייל דעם זוהנס שכל איז בעסער פון דעם פאטערס. כבוד הייסט ער זאל געבין דעם פאטער עסין אונ טרינקען ער זאל אים אן טאהן דיא קליידער אונ דיא שיך אונ זאל אים צודעקין אונ זאל אים אריין פירען אונ ארויס פירען. האט מען גיפרעגט וועמעס זאל זיין דאס עסין. רב יהודה זאגט פון דעם זוהן: אז דער פאטער האט ניט מוז דער זוהן אים געבין. רב נתן בר אושעיא זאגט פון פאטער. אפילו דער פאטער האט ניט מוז ניט דער זוהן אים געבין. פרעגט דיא גמרא עס שטייט אין פסוק כבד את אביך. אונ עס שטייט אין פסוק כבד את ה' מהונך. אזוי וויא דער כבוד וואס דער מענטש טוהט צו גאט. גיט דאך דער מענטש פון זיין געלט. אזוי דער כבוד וואס דער זוהן דארף טאהן צום פאטער. דארף אויך דער זוהן טאהן מיט זיין געלט. אונ נאך אקשיא איז אז דו וועסט זאגין דער זוהן גיט דעם פאטער עסין אונ טרינקען אונ קליידונג אלץ דעם פאטערס. וואס פאר אטובה טוהט דער זוהן דעם פאטער. ענטפערט דיא גמרא עס איז טאקי אלץ דעם פאטערס: נאר דער זוהן דארף אוועק לייגין זיין ארבעט צו געבין אים דאס עסין: אונ געבן אים אטרונק וואסער אונ צו העלפין אים אן קליידין אונ ארויס פירען אונ אריין פירען. דאס פאר נעמט אלץ צייט: אונ דער זוהן האט שאדין זיין פארדינסט. מען האט גיפרעגט בייא רבי אליעזר ביז וויא וייט זאל אזוהן טאהן כבוד זיין פאטער אונ מוטער. האט רבי אליעזר צו זייא גזאגט אז דער פאטער אדער דיא מוטער זאל נעמען זייער אבייטיל געלט אונ אריין ווארפין אין ים. פאר אים. ער זאל זעהן. אונ ער זאל זייא ניט פארשעמען:

ל רב הונא האט צוריסען אזיידענע קלייד פון זיין זוהן רבה פאר אים. ער האט גיזעהן. דער נאך האט רב הונא גזאגט איך וועל גיין זעהן אויב מיין זוהן איז אין כעס אויף מיר אדער ניין. פרעגט דיא גמרא וויא אזוי האט דאס רב הונא גיטאהן. טאמער וועט רבה יא זיין אין כעס.

ליה ליקריה והא קעבר משום (דברים כ) בל תשחית דעבר ליה בפומביני ודילמא משה לא רתח דעבר ליה בשעת ריתחיה :

לא א"ר יצחק בר שילא אמר רב מתנא אר"ח האב שמחל על כבודו כבודו מחול הרב שמחל על כבודו אין כבודו מחול רב יוסף אמר אפי' הרב שמחל על כבודו כבודו מחול שנאמר (שמות יג) וה' הולך לפניהם יומם אמר רבא הכי השתא התם הקב"ה עלמא דיליה הוא ותורה דיליה היא מחיל ליה ליקריה (ע"ב) הכא תורה דיליה היא הדר אמר רבא אין תורה דיליה היא דכתיב (תהלים א) ובתורתו יהגה יומם ולילה [איני והא רבא משקי בי הלולא דברי' ודל ליה כסא לרב פפא ולרב הונא בריה דרב יהושע וקמו מקמיה לרב מארי ולרב פנחס בריה דרב חסדא ולא קמו מקמיה איקפד ואמר הנו רבנן רבנן והנו רבנן לאו רבנן ותו כו' אפילו הכי הידור מיעבד ליה בעו] :

שגורס לנגו לחט א׳ : בפומבייני . בשוק כשהפילו שהיינו נתחסר פדמיו בכך כגון בשוליו : סבא תורה דיליה היא . כלומר הכבוד תלוי בתורה ואין יכול למחול על כבוד התורה שהיא של הקב"ה : ובתורתו יהגה . כי אם בתורת ה׳ חפצו ובתורתו יהגה [בתחלה היא נקראת תורת ה׳

מעשה

ווערט דאך זיין דיא עבירה אויף רב הונא פאר וואס האט ער אים גיבראכט דער צו . עס שטייט דאך אין פסוק פאר אבלינדען זאלסטו ניט געבין א שטרויכלונג . ענטפערט דיא גמרא רב הונא האט פריער מוחל גיוועזן זיין כבוד . דריבער ווען רבה וואלט עפעס געזינדיגט געגין פאטער . וואלטין בידע ניט גיהאט קיין עבירה . פרעגט דיא גמרא רב הונא האט דאך עובר גיוועזן אויף בל תשחית . מען טאר ניט פארדארבין קיין זאך . אונ ער האט צוריסין אזיידענע קלייד . ענטפערט דיא גמרא רב הונא האט צוריסען דעם נאט . קען מען צוריק צו נייען . איז דאס ניט קיין שאדין . פרעגט דיא גמרא טאמער דריבער איז רבה ניט אין כעס גיוועזן ווייל עס איז ניט גיוועזן קיין שאדין . ענטפערט דיא גמרא רב הונא האט דאס גיטאהן ווען רבה איז גיוועזן אין כעס . אונ דער שטייגער איז ווען א מענטש איז אין כעס צערינט ער שוין אויף אקליינינקייט אויך . אונ דא איז רבה גאר ניט אין כעס גיוועזן אויף דעם וואס דער פאטער האט גיטאהן :

לא אמר . רבי יצחק בר שילא האט גיזאגט פון רב מתנאס וועגין אז רב חסדא האט גיזאגט אז דער פאטער איז מוחל דעם זוהן זיין כבוד . איז דער כבוד געשיינקט . דארף שוין ניט דער זוהן געבין כבוד צום פאטער . אז א רבי איז מוחל זיין כבוד צו דיא תלמידים . איז זיין כבוד ניט גשיינקט . נאר דיא תלמידים מוזין אים געבין כבוד אזוי וויא פריער . רב יוסף זאגט אפילו א רבי איז מוחל זיין כבוד צו דיא תלמידים . איז זיין כבוד געשיינקט . דארפין שוין ניט דיא תלמידים אים געבין כבוד . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק גאט איז גינאנגען פאר אוים פאר דיא יודין זייא צו ווייזן דעם וועג . האט דאך גאט מוחל גיוועזן זיין כבוד . האט רבא גזאגט איז דען גלייך איינס צוא דאס אנדערע . דארטין ביא גאט דיא גאנצע וועלט איז זיינע . דיא תורה איז זיינע . קען ער מוחל זיין זיין כבוד . אבער דא דער כבוד פון דעם חכם איז דאך נאר דיא תורה . איז דען דיא תורה זיינע ער זאל מוחל זיין איר כבוד . דער נאך האט רבא גזאגט יא דיא תורה גיהער טאקי צום חכם . דאס איז זיין תורה . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ובתורתו יהגה יומם ולילה . אין זיין תורה טראכט ער טאג אונ נאכט . פרעגט דיא גמרא עס איז דאך ניט אזוי . ווען דער זוהן פון רבא האט חתונה גיהאט . האט רבא גיגעבין כוסות וויין צוא דיא געסט . האט ער גיגעבין א כוס צו רב פפא אונ צו רב הונא דער זוהן פון רב יהושע . האבען זייא זיך אויף גישטעלט פאר רבא אונ האבען צו גינומען פון אים דעם כוס . דער נאך האט ער גיגעבין א כוס צו רב מארי אונ צו רב פנחס דער זוהן פון רב חסדא . האבען זייא זיך ניט אויף גישטעלט פאר אים . איז רבא אין כעס גיוועזן . אונ האט גזאגט . דיא רבנן זענען טאקי רבנן ורב פפא אונ רב הונא . אונ דיא רבנן זענען ניט קיין רבנן ורב מארי אונ רב פנחס . ענטפערט דיא גמרא אפילו דער תלמיד חכם איז מוחל זיין כבוד . פון דעסטוועגין דארף מען אים דאך ניט האלטין

לב מעשה בר' אליעזר ור' יהושע ור' צדוק שהיו מסובים בבית משתה בנו של רבן גמליאל והיה רבן גמליאל עומד ומשקה עליהם נתן הכוס לר' אליעזר ולא נטלו נתן לר' יהושע וקבלו א"ל ר' אליעזר מה זה יהושע אנו יושבים וגמליאל ברבי עומד ומשקה עלינו א"ל מצינו גדול ממנו ששימש אברהם גדול הדור היה וכתיב בו (בראשית יח) והוא עומד עליהם ושמא תאמר כמלאכי השרת נדמו לו לא נדמו לו אלא לערביים ואנו לא יהא רבן גמליאל ברבי עומד ומשקה עלינו אמר להם ר' צדוק עד מתי אתם מניחים כבודו של מקום ואתם עוסקים בכבוד הבריות הקב"ה משיב רוחות ומעלה נשיאים ומוריד מטר ומצמיח אדמה ועורך שלחן לפני כל אחד ואחד ואנו לא יהא רבן גמליאל ברבי עומד ומשקה עלינו :

לג ת"ר (ויקרא יט) מפני שיבה תקום יכול אפילו מפני זקן אשמאי ת"ל זקן אין זקן אלא חכם שנאמר (במדבר יא) אספה לי שבעים איש מזקני ישראל ר' יוסי הגלילי אומר אין זקן אלא שקנה חכמה שנאמר (משלי ח) ה' קנני ראשית דרכו יכול יעמוד

ומשלמדם וגרסה ס"א כקראת תורתו] :
לא נדמו לו אלא לערביים : שאמר להם ורחצו רגליכם שהערביים משתחוים לאבק רגליהם כדאמרינן בב"מ אמרו לו כערביים חשדתנו שמשתחוים לאבק רגליהם : ר"ג ברבי . כלומר אדם גדול וכן כל ברבי שבתלמוד :
זקן אשמאי . אשמאי רשע וע"ה : מזקני ישראל . גמר זקן מזקני מה להלן גדולים וחכמים דכתיב אשר ידעת כי הם זקני העם ושוטריו : אין זקן אלא

גְלַייךְ מִיט אַלֶע מֶענְטְשִׁין . נָאר מֶען דַארְף אִים אַבִּיסוּל בַּשֵׁיינֶען : .

לב מַעֲשֶׂה . עֶס הָאט אַמָאהְל גִיטְרָאפִין רֶבִּי אֱלִיעֶזֶר אוּנ רֶבִּי יְהוֹשֻׁעַ אוּנ רֶבִּי צָדוֹק זֶענֶען גִיזֶעסִין בַּייא אַסְעוּדָה וָואס דֶער זוּהְן פוּן רַבָּן גַמְלִיאֵל הָאט גִימַאכְט . אוּנ רַבָּן גַמְלִיאֵל אִיז גִישְׁטַאנֶען צוּ גֶעבִּין טְרִינְקֶען דִיא גֶעסְט . הָאט רַבָּן גַמְלִיאֵל גִיגֶעבִּין אַכּוֹס צוּא רֶבִּי אֱלִיעֶזֶר ; הָאט עֶר נִיט גִינוּמֶען : אוּנ רַבָּן גַמְלִיאֵל הָאט גִיגֶעבִּין אַכּוֹס צוּ רֶבִּי יְהוֹשֻׁעַ . אוּנ עֶר הָאט אִים גִינוּמֶען ; הָאט רֶבִּי אֱלִיעֶזֶר גִיזָאגְט צוּא רֶבִּי יְהוֹשֻׁעַ . וָואס אִיז דָאס ; מִיר זִיצֶען אוּנ גַמְלִיאֵל בְּרֶבִּי שְׁטֵייט אוּנ גִיט אוּנְז צוּא טְרִינְקֶען . הָאט רֶבִּי יְהוֹשֻׁעַ גִיזָאגְט צוּא רֶבִּי אֱלִיעֶזֶר מִיר גֶעפִינֶען אַז אַגְרֶעסֶערֶער פוּן רַבָּן גַמְלִיאֵל הָאט אוֹיךְ בַּדִינְט אוֹרְחִים . אַבְרָהָם אָבִינוּ אִיז דָאךְ גִיוֶועֶן דֶער גְרֶעסְטֶער פוּן דֶעם דוֹר . אוּנ עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק אַבְרָהָם אִיז גִישְׁטַאנֶען נֶעבִּין זַיינֶע גֶעסְט אוּנ הָאט זֵייא בֶּעדִינְט . טָאמֶער וֶועסְטוּ זָאגִין אַז אַבְרָהָם הָאט גֶעמֵיינְט זַיינֶע גֶעסְט זֶענֶען מַלְאָכִים . דְרִיבֶּער הָאט עֶר זֵייא בֶּעדִינְט . נֵיין . אַבְרָהָם הָאט גֶעמֵיינְט זֵייא זֶענֶען אַרַבִּיעֶר . וָוארוּם עֶר הָאט זֵייא גִיהֵייסִין וַואשִׁין דִיא פִים פוּן זֵייעֶר שְׁטוֹיבּ . וַוייל דִיא אַרַבִּיעֶר דִינֶען צוּ דִיא שְׁטוֹיבּ פוּן זֵייעֶרֶע פִים . אוּנ מִיר וָואס מִיר זֶענֶען יוּדִין זָאל רַבָּן גַמְלִיאֵל בְּרֶבִּי נִיט שְׁטֵיין גֶעבִּין אוּנְז גֶעבִּין אוּנְז טְרִינְקֶען . הָאט רַבִּי צָדוֹק צוּ זֵייא גִיזָאגְט בִּיז וַואנֶען וֶועט אִיר אַוֶועק לָאזִין דֶעם כָּבוֹד פוּן גָאט אוּנ אִיר וֶועט שְׁמוּעֶסִין פוּן דֶעם כָּבוֹד פוּן מֶענְטְשִׁין . גָאט מַאכְט בְּלָאזִין ווִינְטֶען . אוּנ בְּרֵיינְגְט אוֹיף וָואלְקִינְס . אוּנ מַאכְט נִידֶערִין רֶעגִין ; אוּנ מַאכְט שְׁפְּרָאצִין דִיא עֶרְד . אוּנ בְּרֵייט אָן אַטִישׁ מִיט עֶסִין פַאר יֶעדֶער מֶענְטְשׁ בַּזוּנְדֶער . נָאט מֶעג אוּנְז בַּדִינֶען . אוּנ מִיר זָאל רַבָּן גַמְלִיאֵל בְּרֶבִּי נִיט שְׁטֵיין גֶעבִּין אוּנְז אוּנ אוּנְז גֶעבִּין טְרִינְקֶען :

לג תָּנוּ רַבָּנָן . דִיא רַבָּנָן הָאבֶּען גִילֶערוּנְט עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק מִפְּנֵי שֵׂיבָה תָּקוּם . פַאר אַאַלְטִין מַאן זָאלְסְטוּ אוֹיף שְׁטֵיין . וָואלְט אִיךְ מֵיינֶען אֲפִילוּ פַאר אַאַלְטִין מַאן אַעַם הָאָרֶץ זָאל מֶען אוֹיךְ אוֹיף שְׁטֵיין . שְׁטֵייט אִין פָּסוּק זָקֵן . זָקֵן מֵיינְט מֶען אַחָכָם . אַזוֹי וִויא עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק גָאט הָאט גִיזָאגְט צוּ מֹשֶׁה פַאר זַאמוּל מִיר זִיבֶּעצִיג מֶענְטְשִׁין מִזִּקְנֵי יִשְׂרָאֵל . פוּן דִיא אַלְטֶע יוּדִין . אוּנ דִיא זְקֵנִים זֶענֶען דָאךְ גִיוֶועֶן חֲכָמִים וָוארוּם דֶער רוּחַ הַקֹּדֶשׁ הָאט דָאךְ גִירוּהְט אוֹיף זֵייא . רַבִּי יוֹסֵי הַגְּלִילִי זָאגְט . זָקֵן וֶוערְט נָאר גֶערוּפִין דֶער וָואס הָאט גִיקוֹיפְט חָכְמָה ; אַזוֹי וִויא עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק גָאט הָאט מִיךְ גִיקוֹיפְט דָאס עֶרְשְׁטֶע וֶועג . אַזוֹי זָאגְט דִיא חָכְמָה ; זָאגְט דִיא גְמָרָא אִיךְ וָואלְט מֵיינֶען אֲפִילוּ דֶער חָכָם אִיז גַאנְץ וַוייט פוּן אִים זָאל עֶר שׁוֹין אוֹיף

יעמוד מפניו ממקום רחוק ת"ל תקום והדרת לא אמרתי קימה אלא במקום שיש הדור יכול יהדרנו בממון ת"ל תקום והדרת מה קימה שאין בה חסרון כיס אף הידור שאין בה חסרון כיס יכול יעמוד מפניו מבית הכסא ומבית המרחץ ת"ל תקום והדרת לא אמרתי קימה אלא במקום שיש הדור יכול יעצים עיניו כאילו לא ראהו ת"ל [תקום] ויראת דבר המסור ללב נאמר בו ויראת מאלהיך ר' שמעון בן אלעזר אומר מניין לזקן שלא יטריח ת"ל זקן ויראת איסי בן יהודה אומר מפני שיבה תקום אפילו כל שיבה במשמע ר' יוסי הגלילי היינו ת"ק איכא בינייהו יניק וחכים ת"ק סבר יניק וחכים לא ר' יוסי הגלילי סבר אפילו יניק וחכים:

(דף לג) **לד אין** בע"י אומניות רשאים לעמוד מפני ת"ח בשעה שעוסקים במלאכתם ולא

זה שקנה חכמה. ולכן נוטריקון דבר הכתוב ולקמן פריך היינו ת"ק: הלא במקום שיש לו הידור. בעמידתו דהיינו תוך ד' אמות דמוכחא מלתא שמפניו הוא עומד: יכול יהדרנו בממון. יכול יהא הידור זה (הילוק) [הידור] ממון לכבדו בממון: יכול יעצים עיניו כאילו לא ראהו. לקמן פריך אטו ברשיעי עסקינן: דבר המסור ללב. ללבו של עושה הדבר הוא יודע אם רואהו או לאו לפי שיכול להשמט מעיני הבריות שלא יחזיקוהו ברשע ופידימוהו לכף זכות ויאמרו לא ראהו לכך נאמר ויראת מאלהיך בכל מחשבות גלויות לו ויודע בך שלסתור ולבטל מצותי נתכוונת: שלא יטריח. אם יכול ליזהר דרך אחרת שלא יעמיד את הצבור: זקן ויראת. להכי סמך ויראת לזקן לומר שאף הזקן יירא: כל שיבה במשמע. ואפילו זקן אשמאי: ת"ק סבר יניק וחכים לא. וה"ק ת"ק אין זקן אלא זקן שהוא חכם דכי שנאמר אספה לי שבעים איש מזקני והחכמים היו כדכתיב אשר ידעת כי הם וגו' אלמא זקנים וידועים היו: ור"י הגלילי. דמשני ליה לקרא ממשמעו זקנה ממש ודריש ליה זה שקנה חכמה כבר אפי' יניק וחכים:

שטיין פאר אים. שטייט אין פסוק תקום והדרת. דו זאלכט אויף שטיין פאר דעם חכם אונ זאלסט אים בשיינען. דער אויף שטיין פאר דעם חכם דארף נאר זיין אויף אזוי אארט וואס ער בשיינט אים מיט דעם אויף שטיין. דאס איז אז דער חכם שטייט נאנט פון דעם מענטש. אונ דער מענטש שטייט אויף פאר אים. איז דאס שיין פאר דעם חכם. אבער אז דער חכם איז פון ווייטן. אונ דער מענטש שטייט אויף. ווייכט מען דאך נישט פאר וועמען דער מענטש איז אויף געשטאנען. פרעגט דיא גמרא טאמער מיינט מען ער זאל אים בשיינען מיט געלט. שטייט אין פסוק תקום והדרת. זאלכט אויף שטיין אונ זאלכט בשיינען. אזוי וויא דאס אויף שטיין קאסט דאך ניט קיין געלט. אזוי דאס בשיינען זאל דיך אויך ניט קאסטין קיין געלט. איך וואלט מיינען אז ער טרעפט דעם חכם אין בית הכסא אדער אין באד. זאל ער אויף שטיין פאר אים. שטייט אין פסוק זאלסט אויף שטיין אונ זאלסט בשיינען. מען דארף נאר אויף שטיין אויף אזוי אארט. וואס דער ארט איז שיין. אבער ניט אין אבית הכסא אונ ניט אין אבאד. איך וואלט מיינען ער מעג פארמאכין זיינע אויגין גליך וויא ער זעהט ניט דעם חכם. אונ ער וועט ניט אויף שטיין פאר אים. שטייט אין פסוק דו זאלסט אויף שטיין. אונ דו זאלסט מורא האבען פאר גאט. דיא זאך וואס קיינער קען ניט וויסען נאר גאט אליין. ווארום פאר מענטשין קען ער זאגין ער האט ניט גיזעהן אז דער חכם גייט. אבער גאט ווייסט דאך אז ער האט פארמאכט דיא אויגין ער זאל ניט זעהן וויא דער חכם גייט. האט דיא תורה אן גזאגט דו זאלסט מורא האבען פאר גאט. רבי שמעון בן אלעזר זאגט פון וואנען ווייסין מיר אז דער זקן זאל ניט מטריח זיין מען זאל אויף שטיין פאר אים. אז ער קען גיין דורך איין אנדער וועג מען זאל ניט דארפין אויף שטיין פאר אים. טאר ער ניט גיין דורך דיא וועג וואס מען זאל יא דארפין אויף שטיין פאר אים. שטייט אין פסוק זקן ויראת. דער זקן זאל מורא האבען. איסי בן יהודה זאגט עס שטייט אין פסוק מפני שיבה תקום. פאר אלטין מאן זאלסטו אויף שטיין. פאר אגע אלטע לייט אפילו ער איז אעם הארץ זאלסטו פאר אים אויף שטיין. פרעגט די גמרא רבי יוסי הגלילי זאגט דאך אזוי וויא דער ערשטער תנא. אז מען דארף נאר אויף שטיין פאר אלמדן. ענפערט דיא גמרא דער אונטער שייד איז איונגער מאן אונ אלמדן. דער ערשטער תנא האלט אז איונגער מאן אונ אלמדן דארף מען פאר אים ניט אויף שטיין. נאר פאר אאלטין מאן אונ אלמדן דארף מען אויף שטיין. רבי יוסי הגלילי האלט אפילו איונגער מאן אונ אלמדן דארף מען פר אים אויך אויף שטיין:

לד אין. בעלי מלאכות ווען זייא ארבעטין טארין זייא ניט אויף שטיין פאר אתלמיד

ולא והא (תניא) [תנן] כל בעלי אומניות (שבירושלים) עומדים בפניהם ושואלים בשלומם אומרים להם אחינו אנשי מקום פלוני בואכם לשלום א"ר יוחנן מפניהם עומדים מפני ת"ח אין עומדים א"ר (אסי) [יוסי] בר אבין בא וראה כמה חביבה מצוה בשעתה שהרי מפניהם עומדים מפני ת"ח אין עומדים ודלמא שאני התם דאם כן נמצאת אתה מכשילן לעתיד לבא:

אביי מחוי להו ידא לסבי ... לה רבי יוחנן הוה קאי מקמי סבי דארמאי אמר כמה הרפתקי עדו עלייהו דהני רבא מיקם לא קאים הידור עביד להו אביי יהיב ידא לסבי רבא משדר שלוחי' רב נחמן משדר גוזאי אמר אי לאו תורה כמה נחמן בר אבא איכא בשוקא:

(פ"נ) כן א"ר אייבו א"ר ינאי אין ת"ח רשאי לעמוד בפני רבו אלא שחרית וערבית כדי שלא

עומדין מפניהם. כשמביאין בכורים קאי כשנכנסים בתוך ירושלים: כמה חביבה מצוה. שלא יכירו עוד שיאמרו נבזים אנו בעיניהם ואלו מפני מצוה הוא ואילו בני אדם (הנכנסים) [המכבדים] חשובים בעיר ועוסקין במצוה לא הוה מיקם מקמייהו:

הרפתקי. מקראות ומאורעות ורוב נסים הרבה ומופתים: עדו עלייהו. עברו עליהם: אביי יהיב ידיה [לסבי]. פושט ידו לזקנים של כותים שעוברים אצלו ומשתחוים עליו: רבא הוה משדר [שלוחיו] לפשוט להם יד אבל הוא עצמו לא]: רב נחמן משדר גוזאי. סריסים שהיו תמיד לפניו לפי שהיה בר חתן הנשיאה והוא ב"ד היו רגילים לעמוד לפניו משרתים להכות ולרדוף מאן דלא ציית דינא וכשהיו זקנים עוברים לפניו היה שולח הסריסים להחזיק בידם אבל הוא עצמו לא (הכי) [שלא] לזלזל בתורתו דאמר אי לאו תורה כמה נחמן איכא בשוקא שילך אין חשבותי בשביל עצמי אלא בשביל תורה ואית דמפרשי אביי יהיב ידיה לסבי מכבד עצמו בזקנים ופושט להם ידו שישען הוא עליהם רבא משדר שלוחיו שיצאו לקראתו לכבודו וכן רב נחמן ולישנא דכל שיכא תרגום יהיב ידא להשען אחרים עליו ולא להשען הוא על אחרים כדאמר בפ"ק דיומא ר"ל הוה סמי בידיה דאמר רבה בר בר חנה יהיב ליה ידא שישען ר"ל עליו ויצא לנפשת הנהר:

מכבוד

חכם. פרעגט די גמרא מיר האבען דאך געלערנט אלע בעלי מלאכות וואס אין ירושלים שטייען אויף פאר די מענטשין וואס זענען געקומען מיט בכורים. אונ מען פרעגט אויב עס איז פריערן ביי זייא. אונ מען זאגט צו זייא ברידער אונזערע וואס איר זענט פון יענע שטאט. אייער קומען אהער זאל זיין צו שלום. האט רבי יוחנן געזאגט פאר די מענטשין וואס ברייננגען בכורים דארפין בעלי מלאכות יא אויף שטיין. אונ פאר א תלמיד חכם דארף א בעל מלאכה ניט אויף שטיין. רבי יוסי בר אבין זאגט קום זעה וויא ליב איז א מצוה ווען מען טוהט איר אין דער צייט. ווארום פאר די מענטשין וואס האבען געבראכט בכורים צו דער צייט. דארפין בעלי מלאכות אויף שטיין. אונ פאר א תלמיד חכם דארפין בעלי מלאכות ניט אויף שטיין. פרעגט די גמרא טאמער דריבער דארפין בעלי מלאכות אויף שטיין פאר די וואס ברייננגען בכורים: ווארום אז מען וועט ניט אויף שטיין פאר זייא. אונ זייא וועלין זעהן זייא האבען ניט קיין כבוד. וועלין זייא נאך א מאהל ניט וועלין קומען מיט בכורים. אבער ניט וועגן די מצוה שטייט מען אויף:

לה רבי יוחנן פלעגט אויף שטיין פאר אלטען גוי אויך. ווארום ער האט געזאגט וויא פיל צרות זענען שוין אריבער געגאנגען איבער די גוים. האבען זייא שוין אויך געזעהן פיל נסים אונ וואנדער פון גאט. רבא פלעגט ניט אויף שטיין פאר אאלטין גוי. נאר כבוד פלעגט ער געבין אפילו צו א אלטין גוי אויך. אביי אז ער פלעגט טרעפין א אלטין גוי וואס איז אים שווער געווען צו גיין. האט ער אים געגעבין די האנט. דער גוי זאל זיך אן לעהנען אויף אים. רבא אז ער האט געזעהן א אלטין גוי וואס איז אים שווער צו גיין. האט ער געשיקט זיין מענטשין ער זאל אים געבין די האנט צו העלפין אים. רב נחמן אז ער האט געזעהן א אלטין גוי וואס איז אים שווער צו גיין. האט ער געשיקט זיינע בעדינטע זייא זאלין העלפין די גוים אריבער גיין. אבער ער אליין איז ניט געגאנגען. ווארום ער האט געזאגט ווען ניט די תורה וויא פיל נחמן בר אבא זענען דא אין גאס. איז דאך מיין גרויסקייט נאר דורך די תורה. אונ דעם כבוד פון די תורה קען איך ניט שיינקען:

לן אמר. רבי אייבו האט געזאגט פון רבי ינאים וועגין א תלמיד חכם טאר ניט אויף שטיין פאר זיין רבי נאר איין מאהל אין דער פריא אונ איין מאהל פארין נאכט. וויל דר כבוד

שלא יהא כבודו מרובה מכבוד שמים. א"ר אלעזר כל תלמיד חכם שאין עומד בפני רבו נקרא רשע ואינו מאריך ימים ותלמודו משתכח שנאמר (קהלת ח) וטוב לא יהיה לרשע ולא יאריך ימים כצל אשר איננו ירא [מלפני אלהים] מורא זו איני יודע מהו כשהוא אומר (ויקרא יט) תקום ויראת הוי אומר מורא זו קימה:

(דף לו) **לז תניא** (דברים יד) בנים אתם לה' אלהיכם בזמן שאתם נוהגים מנהג בנים אתם קרוים בנים [אין אתם נוהגים מנהג בנים אין אתם קרוים בנים] דברי רבי יהודה ר"מ אומר בין כך ובין כך קרוים בנים שנא' (ירמי' ד) בנים סכלים המה ואומר (דברים לב) בנים לא אמון בם ואומר (ישעיה א) [זרע מרעים] בנים משחיתים ואומר (הושע ב) והיה במקום אשר יאמר להם לא עמי אתם יאמר להם בני אל חי מאי ואומר וכי תימא סכלים הוא דמיקרו בני כי לית בהו הימנותייהו לא מקרו בני ת"ש ואומר בנים לא אמון בם וכי תימא כי לית בהו הימנותייהו הוא דמיקרו בני כי פלחי לע"ז לא מקרו בני [ת"ש ואומר] זרע מרעים בנים משחיתים וכי תימא בנים משחיתים מיקרו

מכבוד שמים. דהרי אינו עומד לפני שכינה אלא שחרית וערבית הלכך מי שעומד מפני רבו שחרית אין רשאי לעמוד מפניו אלא ערבית וכהנו כהנו ס' דין זה אינו נוהג אלא באותם הדרים בבית הרב ומסתמא עמדו שחרית וערבית אבל בהמגידים אחרים חייבים לעמוד אפי' ק' פעמים ביום שמא ילמדו אחד ויתכבדו והכי' אותם הדרים בבית הרב נמי אם באו פנים חדשות צריך לעמוד: וטוב לא יהיה לרשע. אין טוב אלא תורה שנא' כי לקח טוב. אלמא תלמודו משתכח ולא יאריך ימים אלא כצל ומה טעם לפי שאינו ירא ומורא קימה היא כמדפרש יתא"ל:

וכי

פון זיין רבי דארף ניט זיין מער וויא דער כבוד פון גאט. ער גיט דאך כבוד צוא גאט אויך נאר איין מאהל אין דער פריא אונ איין מאהל פארין נאכט. אין דער פריא קריאת שמע אונ פארין נאכט קריאת שמע. רבי אלעזר זאגט דער תלמיד חכם וואס שטייט ניט אויף פאר זיין רבי. ווערט ער גירופען רשע. אונ ער וועט ניט לאנג לעבין. אונ ער וועט פאר געסין זיין לערנען. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק גוט וועט ניט זיין דעם רשע. גוט מיינט מען די תורה. די תורה וועט ניט זיין ביי דעם רשע. אפילו ער וועט לערנן תורה. וועט ער זי פר געסין. אונ ער וועט ניט לאנג לעבין. ער וועט זיין אזוי ווי א שאטען. ווייל ער הט ניט מורא פר גאט. זאגט דיא גמרא איך וייס ניט מיט וואס זאל ער מורא האבען. אז עס שטייט אין פסוק תקום ויראת: זאלסט אויף שטיין פאר א תלמיד חכם אונ זאלסט מורא האבען פאר גאט. זעהן מיר דער וואס שטייט אויף פאר א תלמיד חכם הייסט ד.ה.ס ער האט מורא פאר גאט אונ דער וואס שטייט ניט אויף פר א תלמיד חכם. דאס הייסט ער האט ניט מורא פר גאט:

לז תניא. מיר האבען גילערונט עס שטייט אין פסוק איר זענט קינדער צוא אייער גאט: אז איר וועט אייך פירען אזוי וויא קינדער דארפין זיך פירען. וועט איר גערופין ווערין קינדער. אבער אז איר וועט אייך ניט פירען אזוי וויא קינדער דארפין זיך פירען. וועט איר ניט גערופין ווערין קינדער. אזוי זאגט רבי יהודה. רבי מאיר זאגט אפילו דיא יודין פירען זיך ניט וויא קינדער דארפין זיך פירען. הייסען זייא אויך קינדער. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק בנים סכלים המה. זייא זענען נארעשע קינדער. נאך זאגט דער פסוק קינדער וואס אין זייא איז ניטא קיין גלויבונג. נאך זאגט דער פסוק קינדער שלעכטע קינדער פאר דארבער. נאך זאגט דער פסוק אונ עס וועט זיין אויף דעם ארט וואס עס פלעגט גזאגט ווערין צוא זייא איר זענט ניט מיין פאלק. וועט צוא זייא גזאגט ווערין איר זענט דיא קינדער פון דעם לעבעדיגען גאט. פרעגט דיא גמרא צוא וואס ברייגגט מען פיר פסוקים. ענטפערט די גמרא פון ערשטין פסוק וואלטין מיר מיינען נארישע קינדער ווערין גערופין קינדער. אבער קינדער וואס גלויבען ניט ווערין ניט גערופין קינדער. דריבער ברייננגט מען דעם אנדערין פסוק אפילו ווען זייא גלויבין ניט ווערין זייא אויך גערופין קינדער. וועלין מיר מיינען ווען זייא גלויבען ניט ווערין זייא גערופין קינדער. אבער אז זייא דינען עבודה זרה ווערין זייא ניט גערופין קינדער. דריבער ברייננגט מען דעם דריטען פסוק ווען זיי א זענען שלעכטע קינדער אונ דינען עבודה זרה. רופט

מיקרו בני מעליא לא מיקרי [ת"ש] ואומר והיה במקום אשר יאמר להם לא עמי אתם יאמר להם בני אל חי :

(דף לח) **תנו רבנן כתיב** (שמות טז) ובני ישראל אכלו את המן ארבעים שנה עד בואם אל ארץ נושבת את המן אכלו עד בואם אל קצה ארץ כנען אי אפשר לומר עד בואם אל ארץ נושבת שכבר נאמר אל קצה ארץ כנען ואי אפשר לומר אל קצה ארץ כנען שהרי כבר נאמר עד בואם גו' הא כיצד בז' באדר מת משה ופסק מן מלירד והיו מסתפקין ממן שבכליהם עד ט"ז בניסן. תניא אידך ובני ישראל אכלו את המן ארבעים שנה וכי מ' שנה אכלו והלא מ' שנה חסר ל' יום אכלו אלא לומר לך עוגות שהוציאו ממצרים טעמו בהם טעם מן. תניא אידך בז' באדר מת משה ובז' באדר נולד מנין שבז' באדר מת שנאמר (דברים לד) וימת שם משה עבד ה' וכתיב (שם) ויבכו בני ישראל את משה

וכי תימא כפליט הוא דמתקריינהו. כלאין נכס אלא בטוח תוא דמקרו בנים אבל כשהם רשעים דלית בהו הימנותא לא מיקרו בנים : **משחיתים.** דכתיב ע"ז כדכתיב פן תשחיתון ועשיתם פסל וגומר : **בני מעליא לא מיקרו.** עוד לעולם: **ת"ש.** דהדרי איקרי בני אל חי על ידי תשובה :
אל ארץ נושבת. מעבר הירדן ואילך שהיא תשובה מארץ סיחון ועוג כדאמרינן במשה שהיה מתאוה ליכנס לה וקרו לה טובה : **קצה ארץ כנען.** בערבות מואב שהם מ משה שהיא ארץ האמורי ועל שפת הירדן שהוא קצה כניסת ארץ כנען : **חסר ל'.** שנסתפקו מעוגות שהוציאו ממצרים דכתיב ויסעו מאילים ויבאו כל עדת בני ישראל אל מדבר סין אשר בין אילים ובין סיני בחמשה עשר יום לחדש השני וכתיב בתריה בשבתנו על סיר הבשר וגומר וכתיב הנני ממטיר לכם לחם מן השמים אלמא בי"ו באייר המן התחיל לירד : **ויבכו בני ישראל.** שלשים יום עמדו בערבות מואב לבכי ומשמעות יהושע

מען זיא אויף קינדער ; וועלין מיר מיינען זיא ווערין גערופין שלעכטע קינדער. אונ זיא וועלין שוין קיין מאהל ניט גערופין הייסין גוטע קינדער. דריבער ברייננט מען דעם פערטין פסוק אז דיא יודין וועלין תשובה טאהן וועט זיין אויף דעם ארט וואס עס פלעגט גזאגט ווערין צו זייא. איר זענט ניט מיין פאלק. וועט צו זייא גזאגט ווערין איר זענט דיא קינדער פון דעם לעבעדיגען גאט :

תנו רבנן כתיב. עס שטייט אין פסוק דיא יודין האבען געגעסען דעם מן פערציג יאהר ביז זייא זענען געקומען צו אבעזעצטע לאנד. דעם מן האבען זייא געגעסען ביז זיי זענין געקומען צום עק לאנד כנען. זאגט דיא גמרא מיר קענע ניט זאגען אז זייא האבען געגעסין דעם מן ביז זייא זענען געקומען צו אבזעצטע לאנד. דאס איז אויף דיא אנדערע זייט ירדן. עס שטייט דאך אז זייא האבען נאר געגעסין דעם מן ביז זייא זענען געקומען צום עק לאנד כנען. דאס איז אויף דער זייט ירדן. אונ מיר קענען ניט זאגין אז זייא האבען נאר געגעסין דעם מן ביז זייא זענין געקומען צום עק כנען אויף דער זייט ירדן. ווארום עס שטייט דאך אז זייא האבען געגעסין דעם מן ביז זייא זענין געקומען צו אבזעצטע לאנד אויף דיא אנדערע זייט ירדן. וויא איז געווען. דעם זיבעטין טאג אין חודש אדר איז געשטארבין משה האט אויף געהערט צו גיין דער מן. אין מואב אויף דער זייט ירדן. נאר פון דעם מן וואס זייא האבען געקריגען דעם לעצטין טאג אונ זייא האבען אים אריין געלייגט אין זייערע כלים. פון דעם מן האבען זייא געגעסין ביז דעם פופצעהנטען טאג אין ניסן ווען זייא זענין שוין געוועזען אין ארץ ישראל. זאגט דיא גמרא נאך אין א ברייתא האבען מיר געלערנט עס שטייט אין פסוק די יודין האבען געגעסין דעם מן פערציג יאהר. האבען זייא דען געגעסין דעם מן פערציג יאהר ; זייא האבען דאך געגעסין דעם מן פערציג יאהר ווייניגער דרייסיג טעג נאר דער פסוק זאגט אונז אז דיא קוכונס וואס דיא יודין האבען מיט גינומען פון מצרים האבען געהאט אזוי א טעם וויא דער מן ; אונ דיא קוכונס פון מצרים האבען זייא געגעסין דרייסיג טעג. פון פופצעהנטין טאג אין ניסן ביז דעם פופצעהנטין טאג אין אייר. נאך אין א ברייתא האבען מיר געלערנט דעם זיבעטין טאג אין אדר איז משה געשטארבין ; אונ דעם זיבעטין טאג אין אדר איז משה געבארין געווארין. פון וואנען ווייסען מיר אז דעם זיבעטין טאג אין אדר איז משה געשטארבין ; ווארום עס שטייט אין פסוק משה דער קנעכט פון גאט איז דארט געשטארבין. אונ עס שטייט נאך אין פסוק דיא יודין האבען געוויינט אויף משה אין

להסיעם סכימי לדם ג' ימים וכשלישי עברו את הירדן דכתיב בעוד שלשת ימים וכתיב בעשור לחודש הראשון : לא ל"ג למפרע . והם י' דניסן כ"ג דאדר ומפרש והוא ז' באדר ו' ימים עברו ממנו וכ"ג הרי כ"ט שאדר חסר הוה :
העושה מצוה אחת מפרש בגמ' . מטיבין לו . משמע בהאי עלמא : ונוחל את הארץ . הי' בעוה"ב :
אלו דברים וכו' . הכי הוה דאוכל פירות והקרן קיימת אבל מצות אתריכא לא ואלו הן מטיבין לו ונוחל את

משה [בערבות מואב שלשים יום] וכתיב (יהושע א) ויהי אחרי מות משה עבד ה' וכתיב (שם) משה עבדי מת ועתה קום עבור וגו וכתיב (שם) עברו (בתוך) [בקרב] המחנה וצוו את העם [לאמר הכינו לכם צדה כי בעוד שלשת ימים אתם עוברים את הירדן] וכתיב (שם ד) והעם עלו מן הירדן בעשור לחדש הראשון צא מכנו ל"ג ימים למפרע הא למדת שבז' באדר מת משה . ומנין שבז' באדר נולד משה שנא' (דברים לא) ויאמר אליהם בן מאה ועשרים שנה אנכי היום לא אוכל עוד לצאת ולבא שאין תלמוד לומר היום מה ת"ל היום (היום מלאו ימי ושנותי) מלמד שיושב הקב"ה וממלא שנותיהם של צדיקים מיום ליום ומחדש לחדש שנא' (שמות כג) את מספר ימיך אמלא :

(דף לט ע"ב) **לט משנה** כל העושה מצוה אחת מטיבין לו ומאריכין לו ימיו ונוחל את הארץ וכל שאינו עושה מצוה אחת אין מטיבין לו ואין מאריכין לו ימיו ואינו נוחל את הארץ : גמ . ורמינהו אלו דברים שאדם אוכל פירותיהם בעוה"ז והקרן קיימת [לו] לעולם הבא אלו הן כבוד אב ואם וגמילות חסדים והכנסת אורחים והבאת שלום בין אדם לחבירו ות"ת כנגד כולם אמר רבי יהודה ה"ק כל העושה מצוה אחת יתירה

ערבות מואב דרייסיג טעג . אונ עס שטייט נאך אין פסוק אונ עס איז געווען דער נאך ווי משה דער קנעכט פון גאט איז געשטארבין חט גאט גזאגט צו יהושע משה מיין קנעכט איז געשטארבן אונ איצט שטיי אויף אונ גיי אריבער דעם ירדן . האט יהושע גזאגט צוא דיא יודין גייט רודך אין דיא מחנה אונ איר זאלט געביטען דעם פאלק אונ איר זאלט אזוי זאגין איר זאלט אייך אן ברייטען שפייז ווארום נאך אין דריי טעג וועט איר אריבער גיין דעם ירדן . אונ דאס פאלק האט אזוי גיטאהן אונ זייא זענען ארויף גיגאנגען פון ירדן דעם צעהנטין טאג אין ערשטין חודש . אין חודש ניסן . רעכין אראפ פון צעהנטין טאג אין ניסן דריי אונ דרייסיג טעג צוריק . דרייסיג טעג פון ווייגען . אונ דריי טעג פון אן ברייטין אריבער צוא גיין דעם ירדן . וועהן מיר אז דעם זיבעטין טאג אין אדר איז משה נישטארבין . אונ פון וואנען ווייסען מיר אז דעם זיבעטין טאג אין אדר איז משה ניבארין גיווארין . ווארום עס שטייט אין פסוק משה האט גזאגט צוא דיא יודין היינט בין איך אלט גיווארין הונדערט מיט צוואנציג יאהר איך קען שוין מער ניט ארוים גיין אונ אריין קומען : עס דארף ניט שטיין דער ווארט היינט . צוא וואס שטייט דער ווארט היינט : צו ווייזן אז גאט זיצט אונ דער פילט די יאהרין פון די צדיקים פון טאג צו טאג אונ פון חודש צוא חודש . אז ער זאל שטארבין דעם זעלביגען טאג וואס ער איז ניבארין גיווארין . אזוי ווייא עס שטייט אין פסוק דעם צאל פון דיינע טעג וועל איך דער פילען :

לט משנה . כל . דער וואס טוהט איין מצוה גיט מען אים טובות אויף דער וועלט . אונ מען דער לייגגערט אים זיינע טעג אויף דער וועלט . אונ ער ירשת דיא לאנד . דאס מיינט מען עולם הבא . אונ דער וואס טוהט ניט איין מצוה . גיט מען אים ניט קיין גוטס . אונ מען דר לייגגערט ניט זיינע טעג : אונ ער ירשת ניט דיא לאנד . פרעגט דיא גמרא מיר האבען גילערונט דאס זענען דיא זאכען וואס א מענטש עסט זייערע פירות אויף דער וועלט אונ דער קרן בלייבט שטיין אויף יענע וועלט . דאס זענען דיא זאכען . געבין כבוד צוא פאטער אונ מוטער . טאהן טובות צוא מענטשין . צוא געבין עמין אפרעסדין : נאמענטש וואס גייט דורך פון איין שטאט אין דיא אנדערע . אז מענטשין קריגען זיך איז א מצוה מען זאל מאכען שלום צווישען זייא . אונ תורה לערנען בשטייט געגין אלע מצות : זעהן מיר דאך אז ניט אויף אלע מצות גיט מען עולם הזה מיט עולם הבא . נאר אויף דיא פיר מצות . האט רב יהודה גזאגט אזוי מיינט דיא משנה דער וואס

יתירה על זכיותיו מטיבין לו ודומה כמי שמקיים כל התורה כולה מכלל דהנך אפילו בחדא נמי אמר רב שמעיה לומר שאם היתה שקולה מכרעת וכל העושה מצוה אחת יתירה על זכיותיו מטיבין לו ורמינהו כל שזכיותיו מרובין מעונותיו מריעין לו ודומה כמי ששרף כל התורה כולה ולא שייר ממנה אפילו אות אחת וכל שעונותיו מרובים מזכיותיו מטיבין לו ודומה כמי שקיים כל התורה כולה ולא חיסר אות אחת ממנה אמר אביי מתניתין דעבדין ליה יום טב ויום ביש רבא אמר הא מני ר' יעקב היא דאמר שכר מצוה בהאי עלמא ליכא:

דתניא

שאין: מכלל דהך תני' רבה נמי.. ואפילו לא קיים אלא מצוה בהמיה והא רובא עונות הוא: שאם היתה שקולה מכרעת. הא דקתני אלו דברים במחצה עונות ומחצה זכיות קאמר ויש במחצה זכיות אחד מאלו מכרעת את הכף כאילו הוי רובא זכיות ואינו צריך למצוה יתירה דמתני' וכי ניה בה הדא גוונא צריך למצוה יתירה: מריעין לו. בעוה"ז לנקותו מעונותיו ליטול שכר שלם: מטיבין לו. לשלם לו שכר מצותיו בחייו כדי לטורדו: מתניתין. דקתני מטיבין ומריעין: דעבדין ליה יום טב ויום ביש. מי שעושה מצוה יתירה דהוו רובא זכיות מתקנין לו בעוה"ז יום טוב שנפרעין ממנו עונותיו וזה תיקון יום טוב לו לעוה"ב. וכל שעונותיו מרובים מזכיותיו דקתני מריעין לו היינו דעבדין ליה הזמנת יום ביש שמשלמין לו שכר מצותיו כאן ליום מתוקן לו יום רע (והכי דייק דקתני מטיבין לו לעוה"ב הוא דקאמר): רבא אמר. לעולם כדאמרן מעיקרא מטיבין לו בשכר פירות וקרן קיימת וכן מתני' דקתני מריעין ר' יעקב היא:

שאן

האט ניהאט העלפט מצות אונ העלפט עבירות. דער נאך האט ער ניטאהן נאך איין מצוה ואת אין דיא אלע מצות איז ניט גיוועזן איינע פון דיא פריערדיגע פינף מצות. גיט מען אים גוטס אויף דער וועלט. אונ עס איז גלייך וויא ער וואלט מקיים גיוועזן דיא גאנצע תורה. פרעגט די גמרא װעדט אויס אז מען האט איינע פון דיא פינף מצות. אפילו מען האט מער גאר ניט קיין מצות. האט מען אזיך גוטס אויף דער וועלט אונ עולם הבא. וויא אזוי קען דאס זיין. אז מען זאל האבען אזוי פיל עבירות אונ נאר דורך איין מצוה זאל מען האבען עולם הזה אונ עולם הבא. האט רב שמעיה גזאגט אזוי מיינט מען. אז ער האט העלפט מצות אונ העלפט עבירות. אונ איין מצוה פון דיא העלפט מצות איז איינע פון די פינף מצות. האט ער עולם הזה אונ עולם הבא. אבער אז אין דיא העלפט מצות איז ניטא איין מצוה פון דיא פינף מצות האט ער נאר עולם הבא אונ ניט עולם הזה. סיידין ער האט איין מצוה מער וויא דיא העלפט. גיט מען אים עולם הזה אונ עולם הבא. פרעגט דיא גמרא דער װאס טוהט איין מצוה מער וויא דיא העלפט מצות. גיט מען אים עולם הזה אונ עולם הבא. מיר האבען דאך ניט אזוי גילערנט. דער וואס האט מצות מער וויא עבירות גיט מען אים שלעכטס אויף דער וועלט. ער זאל אפ קומען זיינע עבירות אויף דער וועלט. אונ עס איז גלייך וויא ער וואלט פאר ברענט אגאנצע ספר תורה אונ ער וואלט פון איר ניט גילאזט אפילו איין אות. אונ דער וואס זיינע עבירות וועגען מיר וויא זיינע מצות. גיט מען אים גוטס אויף דער וועלט. מען בצאהלט אים אויף דער וועלט פאר זיינע מצות. צוא עולם הבא זאל ער נאר ניט האבען. אונ עס איז גלייך וויא ער וואלט מקיים גיוועזן די גאנצע תורה אונ ער וואלט ניט פאר פעלט איין אות. האט אביי גזאגט דיא גאנצע משנה שמועסט נאר פון עולם הבא. אונ וואס עס שטייט אין דער משנה מען טוהט אים גוטס. מיינט מען. מען טוהט אים שלעכטס אויף דער וועלט. אים זאל גוט זיין אויף יענע וועלט. אונ וואס עס שטייט מען טוהט אים ניט קיין גוטס. מיינט מען. מען טוהט אים ניט קיין גוטס אויף יענע וועלט. ווארום מען טוהט אים גוטס אויף דיא וועלט. אים זאל שלעכט זיין אויף יענע וועלט. דאס מיינט מען. מען מאכט אים אגוטען טאג אויף יענע וועלט. אדער מען מאכט אים א שלעכטין טאג אויף יענע וועלט. רבא זאגט מיר וואלטין טאקי לערנען אין דיא משנה וויא מיר האבען פ יער גילערנט. אז איינער האט מיט איין מצוה מער וויא העלפט. גיט מען אים גוטס אויף דער וועלט אונ אויף יענע וועלט. אונ וואס אין דער ברייתא שטייט אנדערש. אז איינער האט מצות מער וויא עבירות. גיט מען אים שלעכטס אויף דער וועלט. אזוי זאגט רבי יעקב. וואס ער זאגט אז אויף דיא וועלט גיט מען ניט שכר פאר מצות. נאר מען בצאהלט אלץ צוא עולם הבא דריבער שטראפט

מ דתניא רבי יעקב אומר אין לך כל מצוה ומצוה שכתובה בתורה שמתן שכרה בצדה שאין תחית המתים תלויה בה בכבוד אב ואם כתיב (דברים ה) למען יאריכון ימיך ולמען ייטב לך בשלוח הקן כתיב (שם כב) למען ייטב לך והארכת ימים הרי שאמר לו אביו עלה לבירה והבא לי גוזלות ועלה לבירה ושלח את האם ונטל את הבנים ובחזרתו נפל ומת היכן טובות ימיו של זה והיכן אריכות ימיו של זה אלא למען ייטב לך לעולם שכולו טוב ולמען יאריכון ימיך לעולם שכולו ארוך ודלמא לאו הכי הוה ר' יעקב מעשה חזא ודלמא מהרהר בעבירה הוה מחשבה רעה אין הקב"ה מצרפה למעשה ודלמא מהרהר בע"ז הוה וכתיב (יחזקאל יד) למען תפוש את בית] ישראל בלבם איהו נמי הכי קאמר אי ס"ד שכר מצוה בהאי עלמא אמאי לא אגין מצוה עליה כי היכי דלא ליתי לידי הרהור והאמר ר' אלעזר שלוחי מצוה אינם

ניזוקין

פירוש

שאין תחית המתים תלויה. בהאי מתן שכר להודיעך שאין מתן שכר אלא לעוה"ב: ודילמא לא הוי הכי. לא אירע כדבר הזה לעולם אלא שהאריכו ימיו ושנותיו ממש: ודילמא אותה שעה שהרהר בעבירה הוה. ולא היה לנו לתמוה: ומשני מחשבה רעה. ומעשה לא עשה אין הקב"ה מצרפה למעשה ולא הוה [לו] ללקות: וכתבו בתוס' ובתוה"ע איפכא מחשבה רעה הקב"ה מצרפה למעשה דכתיב מחמס אחיך יעקב תכסך בושה ונכרת לעולם ולא מצינו מעשה עשו ליעקב שום רעה אלא מחשבתו הרעה אשר חשב עליו מצרפה הקב"ה למעשה ומחשבה טובה של אוה"ע אין הקב"ה מצרפה למעשה כדכתיב בדניאל ודריוש עד מעלי שמשא הוה משתדל לשזבותיה פירוש שהיה דריוש עושה בכל כחו להציל דניאל מגוב אריות אלמא אע"ג שהצילו עד הערב קאמר קרא שלא הצילו אלא מבקש להצילו מדכתיב לשזבותיה ולא כתיב ושזביה ע"כ: למען תפוש וגו'. שתפשו בלבם הרהורי ע"ז דהא מהאי קרא: והאמר ר"א ט':

מען אים אויף דיא וועלט פאר זיינע עבירות . ער זאל גענומען צוא עולם הבא דעם גאנצין שכר פאר זיינע מצות :

מ דתניא . ווארום מיר האבען גילערונט רבי יעקב זאגט אלע מצות וואס שטייען אין דיא תורה . אונ נעבין דיא מצוה שטייט באלד מען וועט געבין שכר . שטייט באלד דער מאנט תחיית המתים . צו ווייזין אז דעם שכר וועט מען ניט געבין אויף דיא וועלט נאר אויף יענע וועלט . בייא דער מצוה כבד את אביך ואת אמך שטייט אין פסוק עס זאל דערלייניגערט ווערין דיינע טעג אונ עס זאל דיר גוט זיין ; בייא אוועק שיקען אנעסט שטייט אין פסוק עס זאל דיר גוט זיין אונ דו זאלסט דער לייניגערין דיינע טעג . וויא איז אז עס האט גיטראפין אפאטער האט גיזאגט צו זיין זוהן גיי ארויף אויף דעם בוידים אונ ברייניג מיר אראפ יונגע פייגעלאך . אונ דער זוהן איז ארויף גיגאנגען אויף דעם בוידים אונ האט אוועק געשיקט דיא מוטער . אונ ער האט גינומען דיא קינדער . האט ער מקיים גיוועהן צווייא מצות מיט איין מאהל . אונ וויא ער איז צוריק גיגאנגען איז ער אראפ גיפאלין אונ איז גישטארבין . וואו זענען זיינע גוטע טעג . אונ וואו זענען זיינע לאנגע טעג . וואס דיא תורה האט אים צו גזאגט צו געבין . נאר וואס דיא תורה האט גזאגט דיר וועט גוט זיין . מיינט מען אויף דער וועלט וואס דארט איז אין גאנצין גוט . אונ עס וועלין דער לי נגערט ווערין דיינע טעג ; מיינט מען אויף דער וועלט וואס דארט איז אין גאנצין לאנג . פרעגט דיא גמרא טאמער איז אזעלכעס קיין מאהל ניט גיוועזן . ענפערט דיא גמרא רבי יעקב האט אליין גיזעהן וויא דאס האט גיטראפין . פרעגט דיא גמרא טאמער האט ער גיטראכט צו טאהן אעבירה . דריבער איז ער גישטראפט גיווארין . ענפערט דיא גמרא אז איינער טראכט צו טאהן אעבירה . אזוי לאנג וויא ער האט נאך דיא עבירה ניט גיטאהן . ווערט ער ניט גישטראפט ; פרעגט דיא גמרא טאמער האט ער גיטראכט צוא דינען עבודה זרה . אונ עס שטייט אין פסוק דיא יודין האבען אנגנומען דיא עבודה זרה אין הארצין . זייא האבען גיטראכט צו דינען עבודה זרה . אונ אויף דעם טראכטין זענען זייא שוין גישטראפט גיווארין . דריבער איז דער זוהן אויך גישטראפט גיווארין אונ איז אראפ גיפאלין פון בוידים . ווייל ער האט גיטראכט צו דינען עבודה זרה . ענפערט דיא גמרא רבי יעקב מיינט אויך אזוי ; אויב גאט גיט שכר פאר אמצוה אויף דער וועלט . פאר וואס האט ניט בשיצט דיא מצוה אויף אים ער זאל ניט טראכטין צו דינען עבודה זרה . פרעגט דיא גמרא רבי אלעזר האט דאך גזאגט דיא מענטשין וואס

ניזוקין [התם בהליכתן שאני והא"ר אלעזר שלוחי מצוה אינן ניזוקין] לא בהליכתן ולא בחזירתן התם סולם רעוע הוה דקביע הזיקא וכל היכא דקביע הזיקא לא סמכינן אניסא דכתיב (ש"א פז) ויאמר שמואל איך אלך ושמע שאול והרגני. אמר רב יוסף אלמלא הישיה אחר להאי קרא כר' יעקב בר ברתיה לא חטא ואחר מאי חזא א"ד כי האי גוונא חזא וא"ד לישנא (דגברא רבא) [דחוצפית המתורגמן] חזא דהוה גריר ליה דבר אחר אמר פה שהפיק מרגליות ילהך עפר נפק וחטא :

וכיכי לאמרי דרבי יעקב מעשה הוה : אין אלף, זאע"ג דבבלי, והא דמריש כוס מספסי מהזיקא דקביעא :
אלמלא דרשיה אחר לגבי קרא דלמען ייטב לך לעוה"ב לא חטא. דאיהו נמי כס"ג תוא אמר אין שכר בעולם וילא לתרבות רעה : דבר אחר. היה :
כגון שבא דבר עבירה לידו. ככוא יושב ולא עבר עבירה דקאמר נוטל עליו שכר כעבירה

מא רמי ליה רב טובי בר רב קיסנא לרבא תנן כל העושה מצוה אחת מטיבין לו עשה אין לא עשה לא ורמינהו ישב ולא עבר עבירה נותנים לו שכר כעושה מצוה. א"ל התם כגון שבא דבר עבירה לידו וניצל הימנה. כי הא דרבי חנינא בר

גייען טאהן אמצוה האבען ניט קיין שאדין. ענטפערט דיא גמרא דאס איז נאר ווען מען גייט טאהן דיא מצוה. אבער ניט ווען מען גייט צוריק פון דיא מצוה ; פרעגט דיא גמרא רבי אלעזר האט דאך גזאגט דיא מענשין וואס גייען טאהן אמצוה האבען ניט קיין שאדין. ניט ווען זייא גייען צו טאהן דיא מצוה ; אונ ניט ווען זייא גייען צוריק פון דיא מצוה. פאר וואס איז דער זהן אראפ גיפאלין פון בוידים. ענטפערט דיא גמרא דארט איז גיוועזן אשלעכטער לייטער. איז גיוועזן געוויס דער שאדין וואס אראפ פאלין. אונ ווא דער שאדין איז געוויס פארלאזט מען זיך ניט אויף א נס. ווארום עס שטייט אין פסוק שמואל האט גזאגט צו גאט ווייא אזוי וועל איך גיין שאול וועט הערין וועט ער מיך הרגנן אפילו שמואל איז גינאנגען טאהן אמצוה. ווארום גאט האט דאך אים געשיקט ער זאל גיין זאלבין דוד פאר אמלך. נאר ווייל ער האט געוואסט אז שאול וועט וויסען וועט ער אים געוויס הרגנן האט ער מורא גיהאט צו גיין טאהן דיא מצוה. רב יוסף זאגט ווען אחר וואלט גידרשת דעם פסוק למען ייטב לך אזוי וויא דיין טאכטערס זהן רב יעקב האט גידרשת אז מען מיינט דיר וועט גוט זיין אויף יענע וועלט; אבער אויף דער וועלט בצאהלט מען ניט פאר קיין מצוה וואלט ער ניט גזינדיגט. וואס האט אחר גיזעהן. אנדערע זאגין ער האט אויך גיזעהן אזוי אזאך וויא רב יעקב האט גיזעהן. אייניגער האט גיטאהן אמצוה. אונ איז גיהרגת גיווארין. האט ער גזאגט אז מען בצאהלט ניט פאר אמצוה. צו וואס זאל מען זיא טאהן. אנדערע זאגין ער האט גיזעהן וויא אתזיר האט גישלעפט דעם צונג פון רבי חוצפית המתורגמן. האט ער גזאגט דיא מויל וואס האט גירעט אזעלכע רייד וואס ווענען גיוועזן טייערער וויא פערל. זאל דיא מויל עסין ערד. איז ער אוועק גיגאנגען פון בית המדרש אונ האט געזינדיגט ודיא מעשה פון אחר. שטייט אין דיא מסכת חגיגה אין אנדערין פרקן :

מא רמי. רב טובי בר רב קיסנא האט גיפרעגט צו רבא מיר האבען גילערנט דער וואס טוהט אמצוה. גיט מען אים גוטס אויף דער וועלט. נאר אז ער האט גיטאהן אמצוה גיט מען אים גוטס אבער אז ער האט ניט גיטאהן אמצוה. גיט מען אים ניט קיין גוטס. מיר האבען דאך גילערנט אז ער איז גיזעסין אונ האט ניט גיטאהן קיין עבירה. גיט מען אים שכר גלייך וויא ער וואלט גיטאהן אמצוה. האט רבא גזאגט דאס איז נאר אז עס איז צו אים גקומען צו טאהן א עבירה ; אונ ער האט זיך גישטארקט אונ האט ניט גיטאהן דיא עבירה. דער מענטש נעמט שכר גלייך וויא ער וואלט גיטאהן אמצוה. אבער אזוי אז אמענטש טוהט ניט קיין עבירה קומט אים ניט קיין שכר. סיידין ער האט טאקי גיטאהן אמצוה. נעמט ער שכר פאר דער מצוה. אזוי וויא עס האט אמאהל גיטראפין ארייכע גרעפין האט גזאגט צו רבי חנינא בר פפי ער זאל

בר פפי תבעתיה ההיא מטרוניתא אמר סלתא ומלי נפשיה שיחנא וכיבי אמרה היא סלתא ואיתסי (שבקה) ערק טשא בההוא בי ב. דכי הוו עיילין בית בתרין אפילו ביממא הוי מתזקן למחר אמרי לית רבנן מאן נטרך א״ר להו שני (דף ם) נושאי קיסר שמרוני כל הלילה אמרי ליה שמא דבר עבירה בא לידך ונצלת הימנה ד״ניא כל הבא דבר עבירה לידו וניצל הימנה עושים לו נס. (תהלים קג)גבורי כח עושי דברו לשמוע בקול דברו כגון רבי צדוק [וחביריו. ר׳ צדוק] תבעתיה ההיא מטרוניתא אמר לה חלש לי לבאי ולא מצינא איכא מידי למיכל אמרה ליה איכא דבר טמא אמר לה מאי נ״מ דעביד הא אכיל הא שגרא תנורא קא מנחת ליה סליק ויתיב בגויה אמרה ליה מאי האי אמר לה דעביד הא נפיל בהא אמרה ליה אי ידעי כולי האי לא צערתיך. רב כהנא הוה מזבן דיקולי תבעתיה ההיא מטרוניתא אמר לה איזיל איקשיט נפשאי סליק וקא נפיל מאיגרא לארעא אתא אליהו קבליה אמר ליה אטרחתן ארבע מאות פרסי א״ל

אבא ליהו וכסא יאו ולא עבר אין מלוה יתירא תא: תבעתיה. לזנות: טשא. נטמן: בי בני. בית המרחץ: הוי מתזקי. שמצויין בו מזיקין: כגון ר׳ צדוק. שלבש כח לכוף יצרו להתגבר בחפצי קונו: אמר נהי נ״מ. דהא מלתא דלא מדפין לי אלא מאכל טמא יש לי ללמוד מכאן דעביד האי כבועל ארמית ראוי למאכל טריה: שגרא תנורא. אותה הגברים הסיקה את התנור לגלות דבר הטמא בם אשה גדולה היתה שאין יכול לפטר ממנה ומכור בידה להורגו: קא מנהא ליה. נתאוו גלי בתוכו: נפיל בהא. בתור של גיהנם: אי ידעי. אילו ידעתי שתמור עליכך הדבר כ״כ: דיקולי. סלים שהנשים נוטנות בם פלכיהן: אטרחתן. שהייתי

מיט איר מזנה זיין. האט רבי חנינא גזאגט אזאך איז זיין גאנץ לייב געווארין פול מיט קרעץ, עס זאל איר פאר מיאוסת ווערין. האט זיא גזאגט אזאך איז ער באלד געזונד געווארין. איז רבי חנינא אנטלאפין אונ האט זיך בעהאלטין אין אזוי אבאר אז אפילו צוויא מענטשין פלעגין אין איר אריין גיין אונ אפילו ביא טאג פלעגין זיא געשעדיגט ווערין פון דיא שדים וואס פלעגען דארט גיוועזן. אונ רבי חנינא איז דארט געוועזן אליין אונ ביא נאכט. אויף מארגין האבען דיא רבנן גזאגט צו רבי חנינא ווער האט דיך געהיט. האט רבי חנינא צו זייא גזאגט צוויא היטערס פון קיסר האבען מיך געהיט אגאנצע נאכט. האבען דיא רבנן גזאגט צוא רבי חנינא עס האט גיטוזט קומען צוא דיר אעבירה. אונ דו האסט דיך געשטארקט אויף דעם יצר הרע אונ דו האסט ניט געטאהן דיא עבירה. ווארום מיר האבען געלערנט דער מענטש וואס צוא אים איז גיקומען אעבירה. אונ ער האט זיא ניט געטאהן טוהט מען אים אנס. עס שטייט אין פסוק דיא וואס האבען שטארקן כח. זייא טוהען דיא רייד פון גאט. אונ זייא ווילען נאר הערין דעם קול פון זיינע רייד. דאס מיינט מען רבי צדוק מיט זיינע חברים. וואס זייא האבען ניט גאט שטארקן כח געגען דעם יצר הרע. ניט צו טאהן קיין עבירה. נאר צוא טאהן דיא רייד פון גאט. ווארום אמאהל האט אגרעפין גזאגט צו רבי צדוק ער זאל מיט איר מזנה זיין. האט רבי צדוק צו איר געזאגט מיין הארץ איז מיר שוואך אונ איך קען ניט איצט מזנה זיין. טאמער איז דא עפעס צו עסין. האט דיא גרעפין גזאגט עס איז דא צו עסין אבער טרפות, האט רבי צדוק צו איר גזאגט עס מעג זיין טרפות. דער וואס מעג מיט דיר מזנה זיין. מעג עסין טרפות אויך. האט זיא אויס געהייצט אהויבין אונ האט אריין געלייגט אין הויבין דיא טרפה פלייש צום בראטין. איז רבי צדוק אריין געגאנגען אין דעם הויבין. האט דיא גרעפין גזאגט צוא רבי צדוק צוא וואס גייסטו אריין אין הויבין. האט רבי צדוק צו איר גזאגט דער וואס איז מזנה אונ עסט טרפות. פאלט ער אריין אין פייער פון גיהנם. האט דיא גרעפין גזאגט צו רבי צדוק ווען איך וואלט וויסען אז ביא אייך איז דיא עבירה אזוי גרויס. וואלט איך דיך ניט מצער געווען: און איך וואלט דאס פון דיר ניט פארלאנגט. רב כהנא פלעגט פארקויפין קערב קליינע פאר ווייבער. האט אגרעפין טאגט צו אים ער זאל מיט איר מזנה זיין. האט רב כהנא גזאגט צו איר איך וועל גיין מיך אויס פוצען. איז ער ארויף געגאנגען אויף דעם בוידים אונ האט זיך אראפ געווארפין פון דעם בוידים אויף דער ערד. איז גיקומען אליהו הנביא אונ האט אים געכאפט אין דער לופטין. האט

א"ל מי גרם לי לאו עניותא יהב ליה שיפא דדינרי : **מב** **רמי** ליה רבא לרב נחמן תנן אלו דברים שאדם עושה אותן אוכל פירותיהם בעה"ז והקרן קיימת לו לעה"ב ואלו הן כבוד אב ואם וגמילות חסדים והבאת שלום שבין אדם לחבירו ות"ת כנגד כולם. בכבוד אב ואם כתיב (דברים ה) למען יאריכון ימיך ולמען ייטב לך. בגמילות חסדים כתיב (משלי כא) רודף צדקה וחסד ימצא חיים צדקה וכבוד. ובהבאת שלום כתיב (תהלים לד) בקש שלום ורדפהו וא"ר אבהו אתיא רדיפה רדיפה כתיב הכא בקש שלום ורדפהו וכתיב התם רודף צדקה וחסד. בת"ת כתיב (דברים ל) כי הוא חייך ואורך ימיך אי הכי בשלוח הקן נמי כתיב (שם כב) למען ייטב לך והארכת ימים ליתני נמי [הא] תנא ושייר תני תנא אלו דברים ואת אמרת תנא ושייר אמר רבא ר' אידי אסברא לי (ישעיה ג) אמרו צדיק כי טוב כי פרי מעלליהם יאכלו וכי יש צדיק טוב וצדיק שאינו

במקום אחר רחוק ד' מאות פרסי : לאו עניותא · בתמיה אם לא טעניות לא הוצרכתי להיות עסקי במלאכת נסים : שיפא. שם כלי : דינרי. זהובים : יאריכון ימיך. לעוה"ב : ייטב לך. בחייך : ימצא חיים. לעוה"ב : צדקה וכבוד. בעוה"ז : חייך. בעוה"ז : ואורך ימיך. לעוה"ב : בשלוח הקן נמי וכו'. וליתנייה : ר' אידי אסברא לי. אינו דומה אלו דהכא כולהו בבריות נהנין מהם ומצא טוב לשמים וטוב לבריות ובההיא כתיב כי פרי מעלליו יאכלו [דהאי קרא כתיב כי טוב כי פרי מעלליו] יאכל בחייו אבל בשלוח הקן טוב לשמים הוא ואין כאן טוב לבריות ולא כתיב ביה

אליהו זאגט צו רב כהנא דו האסט מיך מטריח געווען צו גיין פיר הונדערט מייל. וואָרום אליהו איז דאמאלס געווען ווייט פון דעם ארט פיר הונדערט מייל. האט רב כהנא געזאגט צו אליהו ווער האט מיך געבראכט דער צו. נאר מיין ארעמקייט. ווען איך וואלט ניט אָרעם געווען. וואלט איך ניט געהאנדעלט מיט ווייבערשע זאכין. אונ וואלט ניט געקומען צווישען ווייבער. אונ עס וואלט מיר ניט געטראפין. וואס מיר האט געטראפין. האט אליהו געגעבין צוא רב כהנא א זאק רענדלאך. ער זאל רייך ווערין:

מב רמי. רבא האט גע־רעגט בייא רב נחמן מיר האבען געלערנט אז א מענטש טוהט דיא זאכין. עסט ער זייערע פירות אויף דער וועלט. אונ דער קרן בלייבט שטיין אויף יענער וועלט. אונ דאס זענען דיא זאכין. אז ער גיט כבוד צוא זיין פאטער אונ מוטער. אז ער טוהט טובות צו מענטשין. אונ אז ער מאכט שלום צווישען מענטשין וואס קריגען. אונ תורה לערנען דאס איז גע־עכער וויא אלע מצות. אז מען גיט כבוד צו פאטער אונ מוטער שטייט אין פסוק עס זאל דערלענגערט ווערין דיינע טעג אונ עס זאל דיר גוט זיין. אז מען טוהט טובות צו מענטשין שטייט אין פסוק דער וואס יאגט נאך צו טאהן צדקה אונ חסד. וועט ער געפינען לעבין אונ געלט צו טאהן צדקה. אונ ער וועט האבען כבוד. אונ אז ער האט גימאכט שלום צווישען מענטשין וואס האבען געקריגט. שטייט אין פסוק בקש שלום ורדפהו זוך שלום אונ יאג אים נאך. האט רבי אבהו גזאגט מיר לערנען אגזרה שוה רדיפה רדיפה. דא שטייט בקש שלום ורדפהו ושטייט דער ווארט רדפהו נאך יאגין. אונ דארט שטייט רודף צדקה וחסד ושטייט דער ווארט רודף. נאך יאגין. אזוי וויא דארט בייא רודף צדקה וחסד. אז מען טוהט טובות. געפינט מען לעבין אונ כבוד. אזוי אז מען מאכט שלום צווישען מענטשין וואס קריגען זיך. געפינט מען אויך לעבין אונ כבוד. אז מען לערנט תורה שטייט אין פסוק דאס איז דיין לעבין אונ דיא לענגערונג פון דיינע טעג. פרעגט דיא גמרא עס שטייט דאך אין דיא תורה אז מען טרעפט אפויגיל מיט יונגע פייגעלאך וואס זענען איהרע קינדער. זאל מען אוועק שיקען דיא מוטער אונ דיא קינדער מעג ער נעמען פאר זיך. אונ אז ער וועט אזוי טאהן וועט אים גוט זיין אונ עס וועט דערלענגערט ווערין זיינע טעג. זאל דיא משנה לערנען דיא מצוה אויך. ענטפערט דיא גמרא ער לערנט אביכול. אונ אביסול לאזט ער איבער. פרעגט דיא גמרא דער תנא לערנט דאך אלו דברים. דיא זאכען. געוויס מיינט ער נאר דיא זאכען. אונ ניט מער. אין דוא זאגסט אביסיל לערנט ער אונ אביסול לאזט ער איבער. האט רבא גזאגט רבי אידי האט מיר געגעבין צוא פאר שטיין. עס שטייט אין פסוק זאגט צום צדיק ער איז גוט די פרוכט

שאינו טוב אלא טוב לשמים ולבריות זהו צדיק טוב. טוב לשמים ורע לבריות זהו צדיק שאינו טוב, כיוצא בדבר (שם) אוי לרשע רע כי גמול ידיו יעשה לו וכי יש רשע רע ויש רשע שאינו רע אלא רע לשמים ורע לבריות זהו רשע רע ; רע לשמים ואינו רע לבריות זהו רשע שאינו רע. הזכות יש לה קרן ויש לה פירות שנא' אמרו צדיק כי טוב כי פרי וגו'. עבירה יש לה קרן ואין לה פירות שנאמר אוי לרשע רע וגו' ואלא מה אני מקיים (משלי א) ויאכלו מפרי דרכם וממועצותיהם ישבעו עבירה שעושה פירות יש לה פירות ושאין עושה פירות אין לה פירות. מחשבה טובה הקב"ה מצרפה למעשה שנאמר (מלאכי ג) אז נדברו יראי ה' איש אל רעהו ויקשב ה' וישמע ויכתב ספר זכרון לפניו ליראי ה' ולחושבי שמו מאי ולחושבי שמו א"ר אסי אפילו חשב אדם לעשות מצוה ונאנס ולא

כי פרי מעלליו יאכל הולך לא תנייה גבי אוכל פירותיהן בעוה"ז : רע לשמים ורע לבריות. כגון רוצח וגזלן וגנב : רע לשמים ואינו רע לבריות. מגלה עריות מבזה מועדים אוכל חלב : אין לו פירות. אין נפרעין ממנו יותר מכדי רשעו : עבירה שעושה פירות. כגון הגוזל כשם שאדם מבוב

פון זייערע ווערק וועלין זייא עסין. איז דען דא אצדיק וואס ער איז גוט. אונ אצדיק וואס ער איז ניט גוט. נאר דער צדיק וואס ער איז גוט צוא גאט אונ צו מענטשין ; דער איז אגוטער צדיק. אונ דער צדיק וואס ער איז גוט נאר צוא גאט. אונ צוא מענטשין איז ער שלעכט. דער איז אצדיק וואס ער איז ניט גוט. נאך אזוי אגלייבין שטייט אין פסוק. ווי צוא דעם שלעכטין רשע ; אזוי וויא זיינע הענט האבען פאר דינט ; אזוי וועט גיטאהן ווערין צוא אים. איז דען דא אשלעכטער רשע. אונ אניט שלעכטער רשע. נאר דער רשע וואס ער איז שלעכט צוא גאט אונ איז שלעכט צוא מענטשין (ער גנבית אונ גזלית) ; דער הייסט אשלעכטער רשע. אונ דער רשע וואס ער איז שלעכט צוא גאט אונ ער איז ניט שלעכט צוא מענטשין (ער איז מזנה. מחלל שבת. ער עסט טרפות). דער רשע איז ניט אשלעכטער רשע. אונ די דריי זאכען וואס דיא משנה רערונט. (כבוד אב ואם. גמלות חסדים שלום מאכען) דער וואס טוהט זייא איז ער אצדיק צוא גאט אונ צוא מענטשין ; אבער אז ער שיקט אוועק דיא מוטער פון דיא נעסט איז ער נאר אצדיק צוא גאט. אבער ניט צוא מענטשין. אונ פון דיא צדיקים שמועסט ניט דיא משנה. אמצוה האט קרן אונ האט פירות. ער האט שכר אויף דיא וועלט אונ אויף יענע וועלט. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק זאגט צום צדיק ער איז גוט דיא פרוכט פון זייערע מעשים וועלין זייא עסין. אעבירה האט קרן אונ האט ניט פירות. אויף דער וועלט ווערט ער ניט גישטראפט. נאר אויף יענע וועלט ווערט ער גישטראפט ; אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ווייא צוא דעם שלעכטין רשע אזוי וויא ער האט פאר דינט אזוי וועט ער האבען ; נאר איין מאהל אויף יענע וועלט. נאר וויא אזוי וועט מקוים ווערין דער פסוק זייא וועלין עסין דיא פרוכט פון זייער וועג אונ פון זייערע עצות וועלין זייא זאט ווערין. נאר די עבירה וואס פון איר וואקסט פירות. למשל ער האט גיטאהן אעבירה אונ אנדערע לערנען אפ פון אים זייא זאלין אויך טאהן עבירות. האט זיין שטראף אויך פירות. מען שטראפט אים אויף דיא וועלט אונ אויף יענע וועלט. אונ דיא עבירה וואס פון איר וואקסט ניט קיין פירות. ער האט גיטאהן אעבירה אין דער שטיל אונ קיינער ווייס ניט פון איר. האט זיין שטראף אויך ניט קיין פירות ; מען שטראפט אים נאר אויף יענע וועלט. אונ ניט אויף דיא וועלט. אגוטע מחשבה רעכונט גאט גלייך וויא עס וואלט גיטאהן ווערין. אז איינער טראכט צוא טאהן אמצוה. רעכונט אים גאט גלייך וויא ער וואלט דיא מצוה גיטאהן. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אז דיא פרומע מענטשין האבען גירעט איינער צום אנדערין האט גאט פאר נומען זייערע רייד אונ ער האט גיהערט אונ עס איז פאר שריבען גיווארין אין אבוך עס זאל גידיינקט ווערין פאר גאט צוא דיא וואס האבען מורא פאר גאט אונ זייא טראכטען זיין נאמען. וואס מיינט מען זייא טראכטין זיין נאמען. זאגט רבי אסי אפילו אמענטש האט גיטראכט צוא טאהן אמצוה. אונ עס האט גיטראפען ער האט

ולא עשאה מעלה עליו הכתוב כאילו עשאה. מחשבה רעה אין הקב"ה מצרפה למעשה שנא' (תהלים סו) און אם ראיתי בלבי לא ישמע ה' ואלא מה מקיים (ירמיה ו) הנני מביא אל העם הזה רעה פרי מחשבותם מחשבה העושה פירות הקב"ה מצרפה למעשה מחשבה שאין בה פרי אין הקב"ה מצרפה למעשה ואלא הא דכתיב (יחזקאל יד) למען תפוש את [בית] ישראל בלבם אמר רב אחא בר יעקב ההוא בע"ז הוא דכתיב דאמר מר חמורה ע"ז שכל הכופר בה כמודה בכל התורה כולה עולא אמר כדרב הונא דא"ר הונא כיון שעבר אדם עבירה ושנה בה הותרה לו הותרה לו ס"ד אלא נעשית לו כהיתר א"ר אבהו משום ר' חנינא נוח לו לאדם שיעבור עבירה בסתר ואל יחלל שם שמים וכו' כמו שכתוב למעלה במסכת חגיגה:

מג תנן התם אין מקיפין בחלול השם אחד שוגג ואחד מזיד. מאי אין מקיפין אמר מר זוטרא שאין עושין כחנוני המקיף אמר מר בריה דרבינא לומר שאם

שוכר פועלים והחריס למדין הימנו לעשות כן: מחשבה שעושה פירות. שקיים מחשבתו ועשה: מצרפה למעשה. ופריך ממנו אף על המחשבה עולא אמר. הא דכתיב פרי מחשבותם בעושה ושונה כתיב כי יהדר מהרהר לעשות ונצטרפה למעשה ואם לא עביד לה אין הזרתו לשם שמים א.א שלא שונך לה כברכ סולא דאמר נעשית לו כהיתר: אין עושין לו כחנוני המקיף. לאדם פעמים רבות וגובה כל הקפותיו ביחד אין עושין כן תלמעלה

גיט גיקענט טאהן די מצוה. רעכנט אויף אים דער פסוק גלייך וויא ער וואלט גיטאהן: אשלעכטע מחשבה רעכנט גאט ניט גלייך וויא עס וואלט גיטאהן גיווארין. אזוי וויא עס שטייט. אין פסוק אויב איך האב גיזעהן אומרעכט אין מיין הארץ וועט גאט ניט הערין. נאר וויא רעדן וועט מקוים ווערין דער פסוק איך וועל ברייגגען צוא דעם פאלק שלעכטם די פרוכט פון זייער טראכטונג נאר אזוי איז. אמחשבה וואס פון איר וואקסט פירות. ער האט גיטראכט צו טאהן אעבירה: אונ ער האט טאקי די עבירה גיטאהן. רעכנט גאט די טראכטונג פאר אעבירה. אונ מען שטראפט אים פאר דעם טרא טין בזונדער. אונ פאר דעם טוהען בזונדער. גלייך וויא ער וואלט די עבירה צוויא מאהל גיטאהן. אונ אמחשבה וואס פון איר וואקסט ניט פירות: ער האט גיטראכט צוא טאהן אעבירה. אונ ער האט ניט גיטאהן. רעכנט ניט גאט דאס טראכטונג פאר אעבירה. פרעגט די גמרא עס שטייט דאך אין פסוק מען זאל אן נעמען די יודין מיט זייער הארץ. מען וועט זייא שטראפין אויף די שלעכטע טראכטונג וואס זייא טראכטין אין הארצען. האט רב אחא בר יעקב גזאגט דאס איז נאר ביי עבודה זרה. אז איינער טראכט צו דינען עבודה זרה. אפילו ער האט ניט געדינט ווערט ער אויך גישטראפט. וואריום דער תנא האט גזאגט די עבירה פון עבודה זרה דינען איז אזוי גרויס דער וואס לייקנט אין די עבודה זרה איז גלייך וויא ער איז מודה אין די גאנצע תורה. עולא זאגט אזוי וויא רב הונא האט גזאגט אז אמענטש טוהט אעבירה איין מאהל. דער נאך טוהט ער די זעלביגע עבירה נאך אמאהל. איז שוין די עבירה מותר צוא אים. פרעגט די גמרא ווער האט אים די עבירה מתיר גיוועזן. נאר אזוי מיינט מען די עבירה איז ביי אים מותר גיווארין. ער האלט שוין דאס ניט פאר אעבירה. אונ אויב ער טראכט נאך אדריטען מאל צוא טאהן די זעלביגע עבירה. אפילו ער האט ניט גיטאהן די עבירה. ווערט ער אויך גישטראפט אויף דעם טראכטין אליין. וואריום דאס וואס ער האט ניט גיטאהן די עבירה איז ניט ווייל ער האט מורא גיהאט פאר גאט צוא טאהן די עבירה. נאר ער האט ניט גידארפט די עבירה. רבי אבהו האט גזאגט פון רבי חנינאס וועגין עס איז בעסער אמענטש זאל טאהן אעבירה אין דער שטיל קיינער זאל ניט וויסען. אונ ער זאל ניט טאהן ווען אלע זאלין וויסען. וואריום עס וועט זיין אחילול השם:

מג תנן. מיר האבען גילערנט אז איינער טוהט אעבירה וואס עס איז א חילול השם. סיי ער האט גיטאהן בשוגג סיי ער האט גיטאהן במזיד. אין מקיפין. וואס מיינט מען אין מקיפין. זאגט מר זוטרא מען בארגט ניט אזוי וויא אקרעמער פר בארגט. דער קרעמער פאר בארגט צוא אין מענטש עטליכע מאל ביסלאכווייז. אונ נעמט אפ מיט איין מאהל. אבער גאט טוהט ניט אזו

ומחללי השם אלא נפרעין מיד : שאם היתה . כף במאזנים שקולה ויש באחד העונות חלול השם מכריעין את הכף לחובה והאי מקיפין לשון עיזני כמו אין מקיפין בכוּעי אקפינהו ואידמו מקרב זאת אצל זאת ומעיין אם דומות :

לפי שהעולם נידון אחר רובו וכו' . יראה אדם עצמו כאילו בקול כל העולם מחצה צדיקים וחסידים ומחצה רשעים וכאילו מעשיו שקולים במחצה על מחצה עשה מצוה אחת נמצאו זכיותיו מכריעין ונמצא

שאם היתה שקולה מכרעת :

(ע"ב) **מד** ת"ר לעולם יראה אדם עצמו כאילו חציו חייב וחציו זכאי עשה מצוה אחת אשריו שהכריע עצמו לכף זכות . עבר עבירה אחת אוי לו שהכריע את עצמו לכף חובה שנאמר (קהלת ט) וחוטא אחד יאבד טובה הרבה בשביל חטא יחידי שחטא איבד כמנו טובות הרבה ר"א בר' שמעון אומר לפי שהעולם נידון אחר רובו והיחיד נידון אחר רובו עשה מצוה אחת אשריו שהכריע את עצמו ואת כל העולם כולו לכף זכות עבר עבירה אחת אוי לו שהכריע את עצמו ואת כל העולם לכף חובה שנאמר וחוטא אחד יאבד טובה הרבה בשביל חטא יחידי שחטא זה אבד ממנו ומכל העולם טובות הרבה . ר"ש בן יוחאי אומר אפילו צדיק גמור כל ימיו ומרד באחרונה אבד את הראשונות שנאמר (יחזקאל לג) צדקת הצדיק לא תצילנו ביום

מיט דיא מענטשין וואס זענען מחלל השם . נאר מען שטראפט באלד אויף יעדער עבירה בזונדער : מר בריה דרבינא זאגט אין מקיפין מיינט מען . מען גלייכט ניט אויס דיא וואג . אויב עס איז געווען אויף איין וואג שאל למשל הונדערט מצות . אונ אויף דעם אנדערין שאל איז געווען הונדערט עבירות . אויב איינע פון דיא עבירות איז געוועזן אחילול השם . וועגט אראפ דיא שאל פון עבירות :

מד תנו רבנן . דיא רבנן האבען געלערנט אייביג זאל אמענטש זעהן אויף זיך אזוי אלס ווען אז ער איז העלפט ארשע אונ העלפט אצדיק . אז ער האט העלפט מצות אונ העלפט עבירות . אויב ער האט גיטאהן נאך אמצוה . וואול צוא אים . ווארום זיין וואג שאל מיט מצות האט אראפ געוואוגין . אונ אויב ער האט גיטאהן נאך אעבירה . וויי צו אים . ווארום זיין וואג שאל מיט עבירות האט אראפ געוואוגין . ווארום עס שטייט אין פסוק וחוטא אחד יאבד טובה הרבה . איין זינדיגער פאר לירט פון אמענטשין פיל גוטס . אמאהל טוהט אמענטש איין זינד . אונ דורך דער זינד פאר לירט ער פון זיך פיל גוטס . רבי אלעזר ברבי שמעון זאגט ווייל די וועלט ווערט געמשפט נאך דאס מערסטע . אויב דאס מערסטע זענען צדיקים . ווערט זיא געמשפט צום גוטען . אונ אויב דאס מערסטע זענען רשעים ; ווערט זיא געמשפט צום שלעכטין . אונ יעדער מענטש בזונדער ווערט אויך געמשפט נאך דאס מערסטע אויב ער האט מצות מער ווי עבירות . הייסט ער אצדיק . אונ אויב ער האט עבירות מער ווי מצות . הייסט ער ארשע . דארף אמענטש רעכענען אזוי אלס ווען העלפט מענטשין פון דער וועלט זענען צדיקים . אונ העלפט מענטשין זענען רשעים . אונ ער אליין איז אויך העלפט ארשע אונ העלפט אצדיק . אויב ער האט גיטאהן איין מצוה . וואול צו אים . ווארום זיין וואג שאל מיט מצות האט אראפ געוואוגין . האט ער שוין מצות מער ווי עבירות . הייסט ער שוין אצדיק . אונ דורך אים איז דאך שוין אין דער וועלט דא צדיקים מער ווי רשעים . ווערט דאך שוין דיא וועלט געמשפט ווערין צום גוטען האט ער גיטאהן אטובה זיך אונ דער וועלט . אבער אז ער האט גיטאהן איין עבירה . וויי צוא אים . ווארום זיין וואג שאל מיט עבירות האט אראפ געוואוגין . האט ער שוין עבירות מער ווי מצות . הייסט ער שוין ארשע ; און דורך אים איז דאך שוין אין דער וועלט דא רשעים מער ווי צדיקים . ווערט דאך שוין דיא וועלט געמשפט ווערין צום שלעכטין . האט ער גיטאהן שלעכטס פאר זיך אונ פאר דיא גאנצע וועלט . אזוי ווי עס שטייט אין פסוק איין זינדיגער קען פאר לירען פיל גוטס . דורך איין זינד וואס דער מענטש האט געזינדיגט . האט ער פאר לארין פון זיך אונ פון דיא גאנצע וועלט פיל גוטס . רבי שמעון בן יוחאי זאגט אז אמענטש איז געווען זיין גאנצין לעבין אגאנצער צדיק . אונ

ביום פשעו ואפילו רשע גמור כל ימיו ועשה תשובה באחרונה אין מזכירין לו שוב רשעו שנא' (שם) ורשעת הרשע לא וכשל בה ביום שובו מרשעו וניהוי כמחצה עונות ומחצה זכיות אמר ריש לקיש בתוהא על ראשונות:

מה משנה כל שישנו במקרא ובמשנה ובדרך ארץ לא במהרה הוא חוטא שנאמר (קהלת ד) והחוט המשלש לא במהרה ינתק וכל שאינו לא במקרא ולא במשנה ולא בדרך ארץ אינו מן הישוב:

צדיק ועל ידו כל העולם הוכרע לצד רוב צדיקים: וזיכוי. צדיק שמרד כמחצה עונות וכמחצה זכיות ולמה אבד את הראשונות: בתוהא. מתחרט על כל הטובות שעשה:

למה צדיקים דומים בעוה"ז. יסורין הבאים עליהם. ונופו. כלומר מעט ממנו: נקצץ. ממנו נופו: כך. נפרעים מן הצדיקים מיעוט עונות שבידם ונמצאו כולם נקיים: ולמה רשעים דומים בעוה"ז. בטובה שמשפיעים להם: נופו. מעט ואף אלו יש בידם מיעוט טובות וזכיות: נקצץ נופו. קבול שכרם כול

מן א"ר אלעזר בר צדוק למה צדיקים נמשלים בעה"ז לאילן שכולו עומד במקום טהרה ונופו (נמצא) נוטה למקום טומאה נקצץ נופו כולו עומד במקום טהרה. כך הקב"ה מביא יסורים על הצדיקים בעה"ז כדי שיירשו העה"ב שנאמר (איוב ח) והיה ראשיתך מצער ואחריתך ישגה מאד ולמה רשעים דומים בעולם הזה לאילן שכולו עומד במקום טומאה ונופו נוטה למקום טהרה נקצץ נופו כולו עומד במקום טומאה כך הקב"ה משפיע להם טובה בעולם הזה כדי

צוא דיא לעצטע יאהרין איז ער געווארין א רשע. האט ער פאר לארין זיינע אלע מצות. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דיא פרומקייט פון דעם צדיק וועט אים ניט רעטין אין דעם טאג ווען ער וועט ווערין א רשע. אונ אז א מענטש איז געוועזן זיין גאנצין לעבין א אמתר רשע. אונ צו דיא לעצטע יאהרין האט ער געטאהן תשובה. דער מאנט מען אים ניט זיינע עבירות וואס ער האט געטאהן. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אונ דיא שלעכטס וואס דער רשע האט געטאהן. וועט ער ניט געשטרויכעלט ווערין דורך זייא. אין דעם טאג וואס ער וועט תשובה טאהן אויף זיינע עבירות. פרעגט דיא גמרא אז א צדיק האט געזינדיגט פאר וואס פאר לירט ער זיינע ערשטע מצות זאל ער זיין וויא דער מענטש וואס האט העלפט מצות אונ העלפט עבירות: האט ריש לקיש גזאגט דא שמועסט אז ער האט חרטה אויף דיא מצות פאר וואס ער האט זייא געטאהן:

מה משנה: כל. דער מענטש וואס לערנט תנ"ך אונ משניות אונ האנדילט ערליך אדער ער טוהט א מלאכה. ניט געשווינט וועט ער קומען צוא א עבירה. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק א פאדים וואס איז גיפלאכטען אין דרייען וועט ניט געשווינד צוא ריסען ווערין. אונ דער וואס לערנט ניט תנ"ך. אונ ניט משניות. אונ האנדילט ניט ערליך אדער ער טוהט ניט קיין מלאכה. ער גייט אום ליידיג. העלפט ער ניט צוא דער בעזיצונג פון דער וועלט. נאר ער מאכט נאך שאדין צוא דער וועלט:

מן אמר: רבי אלעזר בר צדוק האט גזאגט צוא וואס זענען דיא צדיקים גלייך אויף דער וועלט. צוא א בוים וואס ער שטייט אין גאנצין אויף א ריינעם ארט. נאר איין צווייג איז ארויס גיבויגין אויף א אומריינעם ארט. אז מען האקט אפ דעם צווייג. שטייט שוין דער גאנצר בוים אויף א ריינעם ארט. דער צדיק איז אויך אין גאנצין ריין. נאר א ביסול פון עטליכע עבירות וואס ער האט איז ער געווארין אומריין. ברייננט גאט אויף דיא צדיקים יסורים אויף דיא וועלט: וייא זאלין תשובה טאהן אויף דיא ביסול עבירות זייא זאלין אין גאנצין ריין ווערין: זייא זאלין ירשנן עולם הבא. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דין אנהייב וועט זיין ווייניג. אבער דיין סוף וועט זיך גרייסין זייער פיל. דער אנהייב פון דיא צדיקים איז קליין אויף דער וועלט. אבער דער סוף זייערער איז גרוים אויף יענע וועלט. אונ צוא וואס זענען דיא רשעים גלייך אויף דער וועלט. צוא א בוים וואס ער שטייט אין גאנצין אויף א אומריינעם ארט. נאר איין צווייג איז ארויס גיבויגין אויף א ריינעם ארט. אז מען האקט אפ דעם צווייג. שטייט שוין דער גאנצער

כדי לטורדן ולהורידן למדרגה התחתונה של גיהנם שנא' (משלי יד) יש דרך ישר לפני איש ואחריתה דרכי מות:

מז וכבר היה ר' טרפון וזקנים מסובין בעלית בית נתזה בלוד נשאלה שאלה זו בפניהם תלמוד גדול או מעשה גדול. נענה רבי טרפון ואמר מעשה גדול. נענה ר' עקיבא ואמר תלמוד גדול. נענו כולם ואמרו תלמוד גדול שהתלמוד מביא לידי מעשה. תניא ר' יוסי אומר גדול תלמוד שקדם לחלה מ' שנה. לתרומות ומעשרות נ"ד. לשמיטים ס"א. ליובלות ק"ג. ק"ג ק"ד הויין קסבר יובל מתחלתו הוא משמט. וכשם שהתלמוד קודם למעשה כך דינו קודם למעשה כדרב המנונא דאמר רב המנונא אין תחלת דינו של אדם אלא על דברי תורה שנא' (משלי יז) פוטר מים ראשית מדון ובשם שדינו קודם למעשה שכרו קודם למעשה שנאמר (תהלים קה) ויתן להם ארצות

קילא טפי: למדרגה. אבילי"ם כדרך שעושין מדרגות לאריאים שבסביבות המגדלים (במגביהין) [כשמגביהין] קרקעיתם: יש דרך ישר לפני איש. כשרואין הרשעים שאותן נראה דרכן בעיניהם ישרים ואחריה של אותה שלוה כזמנת דרכי מות היא: בית נתזה. שם בעליה: שהתלמוד מביא לידי מעשה. מגלה שניהם בידו: גדול ת"ת שקדם לחלה ארבעים שנה. כדאמרי' מקמי': נתנה להם תורה בחדש השלישי והחלה לא נתחייבו עד שנכנסו לארץ דכתיב בבואכם ואמר מר משום: ביאה זו מכל ביאות שבתורה דכתיב בהו כי תבואו וכאן נאמר בבואכם שנכנסו לה. והתרומות ומעשרות לאחר כיבוש וחילוק דכתיב תבואת זרעך שיהא כל אחד מכיר חלקו וכן י"ד שנה הרי נ"ד ומשם התחילו למנות שמיטין כדאמרינן בערכין ועשו שמיטה לסוף שבעה הרי ס"א שנים ולסוף נ' עשו יובל הרי ק"ג: מתחלתו משמט. מתחלת השנה מיוה"כ עבדים נפטרים ושדות חוזרות ועדיין לא עברו אלא מ"ט אבל שביעית אינה משמטת אלא בסופה דכתיב מקץ שבע שנים תעשה שמטה לסוף שבע לפיכך כל שנה שביעית במנין ס"א: תחלת דינו. ביום הדין תחלת שאלות שעליו מפני מה לא עסקת בתורה: פוטר מים. פורק עול תורה: ראשית מדון. היא תחלת דינו ואין מים אלא תורה דכתיב הוי כל צמא לכו למים: וכשם שדינו. פורענות תורה קודם לדין פורענות מעשה: כך שכרו. אם עסק בתורה

בוים אויף אאומריינעם ארט. דער רשע איז אויך אין גאנצן אומריין. נאר אביסול פון עטליכע מצות וואס ער האט איז ער ריין. ברענגט נאך אויף דיא רשעים פיל גוטס אויף דיא וועלט. אונ מען בצאהלט זייא פאר זייער ביסול מצות. מען זאל זייא פאר טרייבען פון עולם הבא. אונ מען זאל זייא אראפ נידערין גאנץ טיף אין גיהנם. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק עס איז דא אמענטש וואס ער מיינט אז זיין וועג איז גלייך. ווייל ער זעהט עס גייט אים גוט אויף דער וועלט. מיינט ער אז זיין פירונג איז גוט. דער סוף איז אבער אז זיין וועג פירט אים צום טויט:

מז וכבר. אמאהל האט גיטראפין אז רבי טרפון אונ נאך אלטע לייט זענען גיזעסין אויף דעם בוידים פון דעם מענטש וואס הייסט נתזה אין דיא שטאט לוד. האט מען פאר זייא גיפרעגט דיא שאלה. לערנען איז גרעסער וויא אמצוה טאהן. אדער אמצוה טאהן איז גרעסער וויא לערנען. האט רבי טרפון גזאגט אמצוה טאהן איז גרעסער וויא לערנען. רבי עקיבא האט גזאגט לערנען איז גרעסער וויא אמצוה טאהן. האבען אלע גזאגט לערנען איז גרעסער וויא אמצוה טאהן. ווארום פון לערנען ווייס מען וויא אזוי צוא טאהן אמצוה. מיר האבען גילערנט רבי יוסי האט גזאגט תורה לערנען איז גרוים. ווארום דיא תורה איז גיגעבין גיווארין מיט פערציג יאהר פריער וויא דיא מצוה פון חלה איז גיגעבין גיווארין. אונ זיא איז גיגעבין גיווארין מיט פיר אונ פופציג יאהר פריער וויא דיא מצות פון תרומה אונ מעשר איז גיגעבין גיווארין. אונ מיט איין אונ זעכציג יאהר פאר שמטה. אונ מיט הונדערט מיט דרייא יאהר פאר יובל. פרעגט דיא גמרא דיא מצות פון יובל איז דאך אין סוף יובל. איז דאך דיא תורה פריער פאר דיא מצות פון יובל הונדערט מיט פיר יאהר. ענטפערט דיא גמרא רבי יוסי האלט דיא מצות פון יובל זענען באלד אין אנהייב יובל. איז נאר הונדערט מיט דרייא יאהר. אונ אזוי וויא תורה לערנען איז פריער וויא אמצוה צוא טאהן. אזוי אז מען רופט דעם מענטש צום משפט פאר גאט. פריער פרעגט מען אים פאר וואס ער האט ניט גילערנט תורה. דער נאך פרעגט מען אים פאר וואס ער האט ניט גיטאהן מצות. אזוי וויא רב המנונא האט גזאגט דער אנהייב משפט פון מענטשין איז אויך תורה לערנען. פאר וואס האט ער ניט גילערנט תורה. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק פוטר מים ראשית מדון. דער אנהייב קריג איז פאר וואס האט ער פון זיך אראפ גיווארפין דעם

ארצות גוים ועמל לאומים יירשו בעבור ישמרו חקיו ותורותיו ינצורו: פיסקא. כל שאינו לא במקרא ולא במשנה אינו מן הישוב א"ר יוחנן ופסול לעדות. ת"ר האוכל בשוק הרי זה דומה לכלב וי"א פסול לעדות אמר רב אידי בר אבין הלכה כי"א. דרש בר קפרא רגזן (דף מא) לא עלתה בידו אלא רגזנותו ולאדם טוב מטעימים אותו מפרי מעשיו בעה"ז. וכל שאינו לא במקרא ולא במשנה ולא בדרך ארץ דור הנאה ממנו שנא' (תהלי' א) ובמושב לצים לא ישב מושבו מושב לצים:

האיש מקדש פרק שני

(דף מט) **א תניא** ר' יהודה אומר המתרגם פסוק כצורתו הרי זה בדאי והמוסיף עליו הרי זה מחרף ומגדף:

ב ע"מ שאני שונה חזקיהו אמר הלכות ורבי יוחנן אמר תורה מיתיבי איזהו משנה ר"מ אומר

קודה לשכר מעשה: בעבור ישמרו חקיו. ואמר מר לעיל השמרו זה משנה: ינצרו. יקיימו: ופסול לעדות דכיון שאינו מן הישוב אין מקפיד על עדות שקר ואין לו בו בושת פנים: האוכל בשוק. הואיל ואין מקפיד על כבודו אין בוש לזלזל כבודו וליפסל: לא עלה בידו בשכרו אלא כעס בשרו ברגזנותו ולא נשתכר כלום: דור. נדור: שנא' ובמושב לצים לא ישב. וזה שאינו באחד מאלו במה יתעסק אם לא בליצנות:

פסוק כצורתו שבא להסר תוספת התרגום שלנו לומר לא אתרגם פסוק זה אלא כצורתו כגון לא תענה על ריב לא תסהד על דינא הרי זה בדאי (דהדרכה מצוה הוא להוציא הדין לאורה אלא הכי מתרגמינן לא תמנע מלאלפא למאן דמתבעי מינך בדינא): והמוסיף עליו. שבא לומר הואיל וניתן רשות להוסיף אוסיף גם אני כל מקום שארצה: הרי זה מחרף. מבזה את המקום ומשנה את דבריו ואונקלוס כשהוסיף לא מדעתו הוסיף שהרי בסיני ניתן (התרגום) אלא שנשתכח וחזר ויסדו כדאמרינן במגילה ומוס שכל זה תרגום:

הלכות. הלכה למשה מסיני: תורה. קס"ד תורה שבכתב: מדרש ספרא וספרי שהן הלכות

יאך פון תורה לערנען: וואסער מיינט מען דיא תורה. אונ אזוי וויא דער מענטש ווערט געשטראפט פריער אויף ניט תורה לערנען. דער נאך ווערט ער געשטראפט אויף ניט מצות טאהן. אזוי אז מען גיט דעם מענטשין שכר: פריער גיט מען אים שכר אויף תורה לערנען. דער נאך גיט מען אים שכר אויף מצות טאהן. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ער האט זייא געגעבין דיא לענדער פון דיא פעלקער. אונ דיא רייכקייט פון דיא פעלקער האבען זייא גירשת: זייא זאלין היטען זיינע געזעץ. זייא זאלין לערנען דיא תורה. אונ זייא זאלין היטען זיינע לערנונג. דאס מיינט מען זייא זאלין טאהן מצות: פיסקא. אין דער משנה שטייט דער וואס האט ניט געלערנט תנ"ך אונ ניט משניות אונ האנדילט ניט עהרליך אונ טוהט ניט קיין מלאכה נאר ער גייט ארום ליידיג. דער טויג ניט צום בעזיצונג פון דער וועלט. רבי יוחנן זאגט ער איז פסול צו זיין אעדות. דיא רבנן האבען געלערנט דער וואס עסט אין גאס איז ער גלייך צוא אהונט. אונ אנדערע זאגין ער איז פסול צו זיין אעדות: רב אידי בר אבין זאגט דער דין איז ער איז פסול צוא עדות. בר קפרא האט געדרשת דער כעסן האט ניט מער פארדינט מיט זיין כעס. נאר וואס ער האט זיך אויף געגעסין דיא הארץ זיינע. ווארום מיט גוטען מאכט מען בעסער וויא מיט בייזין. אונ דעם גוטען מענטש גיט מען דיא פרוכט פון זיינע מעשים אויף דער וועלט. אונ דער מענטש וואס האט ניט געלערנט תנ"ך אונ ניט משניות אונ האנדילט ניט עהרלאך אונ טוהט ניט קיין מלאכה. נאר ער גייט אום ליידיג. זאלסטו אנדער טאהן דו זאלסט פון דעם מענטש קיין הנאה ניט האבען. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דו זאלסט ניט זיצען מיט דיא מענטשין וואס לאכין פון תורה אונ מצות. אונ דער מענטש ווייל ער האט גאר ניט געלערנט אונ ארבעט ניט אונ האנדילט ניט עהרליך. איז ער אויך ארשע אונ לאכט פון תורה אונ מצות. דריבער זאלסטו מיט אים קיין בהעפטונג ניט האבען:

פרק שני

א תניא. מיר האבען געלערנט רבי יהודה זאגט דער וואס טייטשט אפסוק אזוי וויא ער איז געשריבען. איז ער אליגנער. אונ דער וואס זאגט אויף דעם פסוק מער וויא עס שטייט אין אים. לעסטערט ער גאט. ווארום ער זאגט וואס גאט האט ניט געזאגט:

ב על מנת. אז איינער זאגט צוא אאשה דו זאלסט צו מיר מקודש ווערין נדו זאלסט ווערין

הלכות רבי יהודה אומר מדרש (ע"נ) מאי תורה מדרש תורה וה"מ דאמר לה תגינא אבל אם אמר לה תנא אנא עד דתני הילכתא ספרא וספרי ותוספתא. ע"מ שאני תלמיד אין אומרים (כבן) [כשמעון בן] עזאי או [כשמעון] בן זומא אלא כל ששואלים אותו בכ"מ דבר אחד בתלמודו ואומרו ואפילו במסכת כלה. ע"מ שאני חכם אין אומרים כחכמי יבנה כר"ע וחבריו אלא כל ששואלים אותו דבר חכמה בכל מקום ואומרה. ע"מ שאני גבור אין אומרים כאבנר בן נר וכיואב בן צרויה אלא כל שחבירו מתייראין ממנו מפני גבורתו. על מנת שאני עשיר אין אומרים כרבי (אליעזר) [אלעזר] בן חרסום וכרבי אלעזר בן עזריה אלא כל שבני עירו מכבדים אותו מפני עשרו. ע"מ שאני צדיק אפילו רשע גמור מקודשת שמא הרהר תשובה בדעתו. ע"מ שאני רשע אפילו צדיק גמור מקודשת שמא

אל מדרשי (כפר ויקרא) [מקראות]: כ"ג. מאי תורה מדרש תורה: בן עזאי ובן זומא. תלמידים היו ובחורים ולא באו לכלל סמיכה ולא היה בימיהם כמותם בתורה כדתנן משמת בן עזאי בטלו השקדנים: בכל מקו. בה' מן המקומות: ואפילו במסכת כלה. שאין עומק בה וברייתא היא וכך היא בנויה כלה בלא ברכה אסורה לבעלה כנדה: דבר הכמה. מילתא דהליא בסברא: ר"א בן חרסום. אמרין במסכת יומא שהניח לו א' כיו אלף ספינות ביס וכנגדן אלף עיירות ביבשה: ראב"ע. י"ב אלפים עגלים היה מעשר מעדרו כל שנה:

מיין ווייב אויף דעם תנאי אז איך בין אשונה. ודאס הייסט איך בין אזוי אלערנער וואס מען רופט דאס אויף לשון קדש שונה. וועלכעס לערנען רופט מען שונה. חזקיה זאגט ער זאל לערנען דיא דינים וואס גאט האט גזאגט צו משה אויף דעם בארג סיני אויסווייניג. רבי יוחנן זאגט ער זאל לערנען תורה. והאט מען געמיינט אז תורה איז די געשריבענע תורה. חומשו. פרעגט די גמרא מיר האבען גילערונט וואס הייסט משנה ודאס איז דיא זעלביגע וויא שונה. רבי מאיר זאגט די דינים וואס גאט האט גזאגט צו משה אויף דעם בארג סיני אויסווייניג. רבי יהודה זאגט מדרש. אבער אז שונה זאל מען מיינען חומש. דאס זאגט קיינער נישט. איז דאך אקשיא אויף רבי יוחנן. ענפערט דיא גמרא וואס רבי יוחנן זאגט תורה מיינט ער ניט חומש. נאר ער מיינט וואס עס ווערט גידרשת אויף דעם חומש. ספרא ספרי. דאס האט ער גילערונט. אונ דאס איז נאר אז ער האט גזאגט צוא איר תנינא (אדער שונה): אבער אז ער האט גזאגט צוא איר איך בין אתנא. מוז ער האבין גילערונט דיא דינים וואס גאט האט גזאגט צוא משה רבינו אויס ווייניג אויף דעם בארג סיני. אונ ער מוז האבען גילערונט ספרא אונ ספרי אונ תוספתא. אז איינער זאגט צו אאשה דוא זאלסט צוא מיר מקודש ווערין ודוא זאלסט זיין מיין ווייב אויף דעם תנאי אז איך בין אתלמיד. זאגין מיר ניט ער זאל זיין אזוי אתלמיד וויא שמעון בן עזאי אדער וויא שמעון בן זומא. נאר אז מען פרעגט אים אזאך פון לערנען אונ ער ווייס צו זאגין אין אלע מסכתות אפילו אין דער מסכת כלה. הייסט ער אתלמיד. אז איינער זאגט צוא אאשה דו זאלסט צוא מיר מקודש ווערין ודוא זאלסט זיין מיין ווייב אויף דעם תנאי אז איך בין אחכם. זאגין מיר ניט ער דארף זיין אחכם אזוי וויא דיא חכמים פון יבנה. אדער אזוי וויא רבי עקיבא מיט זיינע חברים. נאר אז מען פרעגט אים אקלוגע זאך פון וועלכע זאך עס איז אונ ער ווייס צו זאגין. הייסט ער אחכם. אז איינער זאגט צו אאשה דוא זאלסט צוא מיר מקודש ווערין ודוא זאלסט זיין מיין ווייב אויף דעם תנאי אז איך בין אשטארקער. זאגין מיר ניט ער דארף זיין אזוי שטארק אזוי ווי אבנר בן נר. אדער אזוי וויא יואב בן צרויה. נאר אז זיינע חברים האבען מורא פאר אים וויל ער איז שטארקער פאר זייא. הייסט ער אשטארקער. אז איינער זאגט צוא אאשה דו זאלסט צוא מיר מקודש ווערין (דוא זאלסט זיין מיין ווייב) אויף דעם תנאי אז איך בין רייך: זאגין מיר ניט ער דארף זיין רייך אזוי ווי רבי אלעזר בן חרסום. אדער וויא רבי אלעזר בן עזריה. נאר אז ער איז רייך אז דיא מענטשין פון זיין שטאט געבען אים כבוד פון וועגין זיין רייכקייט. הייסט ער שוין רייך. אז איינער זאגט צוא אאשה דוא זאלסט צוא מיר מקודש ווערין (דוא זאלסט זיין מיין ווייב) אויף דעם תנאי אז איך בין אצדיק. אפילו מיר ווייסין אז ער איז בין איצט געוועזען אאמתר רשע. פון דעסטוועגין איז זיא מקודש. טאמער האט ער גיטראכט תשובה צו טאהן.

שמא הרהר דבר ע"ז בלבו :

ג עשרה קבין חכמה ירדו לעולם תשעה נטלה א"י ואחת כל העולם כולו עשרה קבין יופי ירדו לעולם תשעה נטלה ירושלים ואחת כל העולם כלו עשרה קבין עשירות ירדו לעולם תשעה נטלה (רומי) [רומיים קדמונים] ואחד כל העולם כילו עשרה קבין עניות ירדו לעולם תשעה נטלה בבל ואחד כל העולם כולו י' קבין גסות הרוח ירדו לעולם ט' נטלה עילם ואחד כל העולם כולו וגסות לבבל לא נחית והכתיב (זכריה ה) ואשא עיני ואראה והנה שתים נשים יוצאות ורוח בכנפיהם ולהנה כנפים ככנפי החסידה ותשנה את האיפה בין הארץ ובין השמים ואומר (למלאך) [אל המלאך] הדובר בי אנה המה מוליכות את האיפה ויאמר אלי לבנות לה בית בארץ שנער וא"ר יוחנן זו חנופה וגסות הרוח שירדה לבבל אין לרכא נחית ואשתרבובי הוא דאשתרבוב להתם דיקא נמי דכתיב לבנות לה בית ש"מ . איני והא אמר מר סימן לגסות הרוח עניות ועניות בבבל הוא

חכמה . תורה ודרך ארץ: האיפה . לעיל מינה כתיב זאת הרשעה והשלך אותה אל תוך האיפה ואמר רב שמפני בידם השליכו בתוכה כדאמרינן בסנהדרין שדיוה בדודא דאברא ואלו שתי נשים נשאו ואמר רב של חנופה וגסות הרוח כדכתיב ורוח בכנפיהם היא גסות הרוח וחנופה נראה בעיני דדייק לה מכנפי החסידה שעושה חסידות עם חבריה כדאמרינן באלו טרפות : להכא . לבבל : לגמרי : לעילם : דיקא נמי דכתיב לבנות לה בית . גבי הלכה כתיב להן שתי נשים וגבי קביעותא כתבה לנשים בית לקבוע בבבל כתיב לה דהיינו חנופה לחודה ל"א

אונ אז ער האט גזאגט אויף דעם תנאי אז איך בין ארשע . אפילו מיר ווייסען אז ער איז בית איצט גיוועזען אמאטער צדיק . פון דעסטוועגין איז זיא מקודש . טאמער האט ער איצט גיטראכט צו דינען עבודה זרה :

ג עשרה : צעהן מאס חכמה איז אראפ גיקומען אויף דער וועלט . ניין מאס חכמה האט גינומען ארץ ישראל . אונ איין מאס חכמה האט גינומען דיא גאנצע וועלט . צעהן מאס שיינקייט איז אראפ גיקומען אויף דער וועלט . ניין מאס שיינקייט האט גינומען ירושלים . אונ איין מאס שיינקייט האט גינומען דיא גאנצע וועלט : צעהן מאס רייכקייט איז אראפ גיקומען אויף דער וועלט . ניין מאס רייכקייט האט גינומען רוים . אונ איין מאס רייכקייט האט גינומען די גאנצע וועלט . צעהן מאס ארעמקייט איז אראפ געקומען אויף דער וועלט . ניין מאס ארעמקייט האט גינומען בבל . אונ איין מאס ארעמקייט האט גינומען דיא גאנצע וועלט . צעהן מאס גאוה (גרויסקייט) איז אראפ גיקומען אויף דער וועלט . ניין מאס גרויסקייט האט גינומען עילם . אונ איין מאס גרויסקייט האט גינומען דיא גאנצע וועלט : פרעגט דיא גמרא אונ אין בבל האט ניט גענידערט קיין גרויסקייט . עס שטייט דאך אין פסוק איך האב אויף געהויבען מיינע אויגין אונ איך האב גיזעהן צוויי ווייבער גייען ארוים . אונ זייא טראגין אווינט אין זייערע עקין קריידע . אונ זייא האבען פליגעל אזוי וויא דיא פליגעל פון דיא פויגיל חסידה . אונ זייא האבען גיטראגין דיא מאס אין דער לופטין צווישען ערד אונ הימעל . האב איך גזאגט צום מלאך וואס האט מיט מיר גירעט וואו הין פירען זייא דיא מאס . האט דער מלאך צוא מיר גזאגט צו באהען אשטוב אין בבל . האט רבי יוחנן גזאגט דיא צוויי ווייבער איז אמשל . איינע מיינט מען חניפת . דאס פאלשע חנפנן . וואס איינער חנפת אונ שמייכולט זיין חבר . אונ די אנדערע ווייב מיינט מען דיא גאוה (דאס שטאלצקייט) . זייא זענען גינאנגען באען אהוז מען אין בבל . מיינט זיי זאלין זיך בזעצין אין דיא מענטשין פון בבל . זעהן מיר אזוי דיא מאס גרויסקייט איז גיקומען אין בבל . ענפערט דיא גמרא גיקומען איז מען טאקי דיא גרויסקייט אין דער מדינה בבל . נאר פון דר מדינה בבל איז זיא פאר שלעפט גיווארין אין עילם . איך וועל דיר ווייזין אז עס איז אזוי . ווארום אין פסוק שטייט צוא באהען איר אשטוב . נאר פאר איינע פאר חניפה אליין הט מען גיבאהט אשטוב אין בבל . אבער גאוה איז גיג נגען אין עילם . פרעגט דיא גמרא עס איז דאך ניט אזוי . דער תנא האט דאך גזאגט אסימן צו וויסען אויף אמענטשין אז ער איז גרוים . ביי זיך אז ער איז ארעם . אונ ארעמקייט איז דא אין בבל : איז דאך גרויסקייט אויך אין בבל . ענטפערט

הוא דאיכא מאי עניות דתורה דכתיב (שה"ש ח) אחות לנו קטנה ושדים אין לה וא"ר יוחנן זה עילם שזכתה ללמוד ולא זכתה ללמד. י' קבים גבורה ירדו לעולם תשעה נטלו פרסיים וכו'. עשרה קבין כנים ירדו לעולם תשעה נטלה מדי וכו'. עשרה קבין כשפים ירדו לעולם תשעה נטלו מצרים וכו'. עשרה קבין נגעים ירדו לעולם תשעה נטלו חזירים וכו'. עשרת קבין זנות ירדו לעולם תשעה נטלו ערבים וכו'. עשרה קבין עזות ירדו לעולם תשעה נטלה מישן וכו'. עשרה קבין שיחה ירדו לעולם תשעה נטלו נשים וכו'. עשרה קבין שחרות ירדו לעולם תשעה נטלת כושים וכו'. עשרה קבין שינה ירדו לעולם תשעת נטלו עבדים וא' נטלו כל העולם כולו:

(דף נג) ד [והא] תניא הצנועין מושכין את ידיהם והגרגרנים חולקים מאי חולקים

ת טפים כדקתני סיפא מעשה באחד שחטף חלקו וחלק חבירו והיו קוראין אותו בן חמצן עד יום מותו אמר רבה בר שילא מאי קראה (תהלים עא) אלהי פלטני מיד

פירוש

לגמרי ולא כמו: מאי עניות. דהו"ל כימא לגסות רוח: עניות דתורה. דאיכא טפה על גסי הרוח דמתוך גסותן אין משמשין כל צרכן ואין מחזירים על שמועתם: דכתיב אחות לנו קטנה. אלמא עניות דתורה בעילם הוא שהיה גם דניאל כדכתיב ואני הייתי בשושן הבירה אשר בעילם המדינה וכן מרדכי ולא היה דורש עוסק בתורה ולא זכו אלו הכמים ללמד כאילו לא היה נאה צריך להיות אבל בבל זכתה ללמד כדכתיב בעזרא כי הכין (ה' את לבו לבבו בתורה) [לבבו לדרוש את תורת] ה' וללמד (לישראל) [בישראל] חק ומשפט: עזות. ממזרות: ט' נטלה מישן. רובן ממזרים כדאמרינן לקמן גבי יוחסין כו' ובבבלי פ"ק דיבמות:

כצנועין מושכין ידיהם. ממתין גבי לחם הפנים תמיד מ' שנים שבימי שמעון הצדיק נשתלחה ברכה בלחם הפנים וכל כהן כשמגיעו כזית יש אוכל ושבע יש אוכל ומותיר מכאן ואילך נשתלחה מארה בלחם הפנים וכל כהן כשמגיעו כפול הצנועין מושכין ידיהם ממש דלא מטאי להו מידי והגרגרנים חולקים וקס"ד דהאי חולקין לאו נוטל חלקו כשמגיעו קאמר כיון דגבי כהן מארה כפול מאי הוי הנא חולקין דרך עילוי מניח חלק ו להבירו ונוטל כנגדו כשקיבה אחר אלמא איה כאן דין הלוקה ומ"כ לא ר"י הוה דאמר ממונו כותי ומשני לעולם אין בו דין הלוקה ומאי חולקין חלקו כשמגיעו קאמר וכשהיתה טוב לו הוטף חלק חבירו ואוכל וכה דסק במסכת סוכה הנכנסים חולקים בנפין הלקו כשמגיעו קאמר ובעוד שהיתה בו ברכה: מאי קראה.

דיא גמרא וועלכע אָרעמקייט מיינט מען. אָרעמקייט תורה ׃ דער מענטש וואס איז גרויס בייא זיך פאר ליבט ער דיא חכמה פון דער תורה. אונ אין בבל איז דא תורה. איז אסימן אז עס איז ניטא קיין גאוה. אונ אין פסוק שטייט מיר האבען אקליינע שוועסטער זיא האט ניט קיין בריסט. האט רבי יוחנן גזאגט דאס מיינט מען דיא מדינה עילם זיא האט זוכה גיוועזען צוא לערנען תורה פאר זיך ׃ אונ זיא האט ניט זוכה גיוועזען תורה צוא לערנען מיט אנדערע. דם הייסט זיא האט ניט גיהאט קיין בריסט צוא געבין זייגין. דריבער איז אסימן אין עילם איז דא גאוה. צעהן מאס שטארקייט איז אראפ גיקומען אויף דער וועלט. ניין מאס האבען געגומען פערסיע. אונ איין מאס דיא גאנצע וועלט. צעהן מאס כנים (ליז) איז אראפ גיקומען אויף דער וועלט. ניין מאס האבען גינומען מדי. אונ איין מאס דיא גאנצע וועלט. צעהן מאס כישוף איז אראפ גיקומען אויף דער וועלט. ניין מאס האבען גינומען מצרים אונ איין מאס די וועלט. צען מאס קרעץ איז גקומען אויף דער וועלט. ניין מאס האבען גינומען חזירים. אונ איין מאס דיא גאנצע וועלט צעהן מאס זנות איז אראפ גיקומען אויף דער וועלט. ניין מאס האבען גינומען די אראבער. זייא וועגען פיל מזנה ׃ אונ האבען פיל ווייבער. אונ איין מאס האט גינומען דיא גאנצע וועלט צעהן מאס עזות איז אראפ גיקומען אויף דער וועלט. ניין מאס האט גינומען מישן. זייא וועגען גרויסע עזות פנימער. אונ איין מאס האט גינומען דיא גאנצע וועלט. צעהן מאס רייד איז אראפ גיקומען אויף דער וועלט. ניין מאס האבען גינומען ווייבער אונ איין מאס האבען גינומען מאנס לייט. צעהן מאס שווארצקייט איז אראפ גיקומען אויף דער וועלט. ניין מאס האבען גינומען די מענטשין פון כוש ׃ אונ איין מאס האט גינומען די גאנצע וועלט. צעהן מאס שלאף איז אראפ גיקומען אויף דער וועלט ׃ ניין מאס האבען גינומען קנעכט. אונ איין מאס האט גינומען דיא גאנצע וועלט.

ד והא. דיא גמרא פרעגט מיר האבען גילערנט דיא פרומע האבען אפ גיצויגין דיא הענט פון דעם לחם הפנים אויב עס איז זייא אן גיקומען אקליינע שטיקול. אונ דיא פרעסערס חולקים האבען גיטייקט איז אקשיא אויף רבי יהודה אין דער גמרא. ענטפערט דיא גמרא חולקים מיינט מען איינער האט גיחאפט זיין חברס חלק. אזוי וויא עס שטייט ווייטער עס האט גיטראפין איינער האט גיחאפט זיין חלק אונ זיין חברס חלק. האט מען אים גירופין בן חמצן (גזלן) ביז עד

רשע מכף מעול וחומץ (רבא) [רבה] אמר מהכא (ישעיה א) למדו היטב דרשו משפט אשרו חמוץ:

(דף מ) ה תניא שמעון העמסוני [ואמרי לה נחמיה העמסוני] היה דורש כל אתין שבתורה כיון שהגיע (דברים ו) לאת ה' אלהיך תירא פירש אמרו לו תלמידיו רבי כל אתין שדרשת מה תהא עליהם אמר להם כשם שקבלתי שכר על הדרישה כך אקבל שכר על הפרישה עד שבא ר' עקיבא ולמד את ה' אלהיך תירא לרבות ת"ח:

(דף נב ע"ב) ו ת"ר לאחר פטירתו של ר' מאיר אמר להם ר"י לתלמידיו אל יכנסו תלמידי ר"מ לכאן מפני שקנתרנים הם ולא ללמוד תורה הם באים אלא לקפחני בהלכות הם באים דחק סומכוס ונכנס אמר להם כך שנה לי ר' מאיר המקדש בחלקו בין בקדשי קדשים ובין בקדשים קלים לא קדש כעס ר' יהודה [עליהם] אמר להם לא כך אמרתי לכם אל יכנסו תלמידי רבי מאיר לכאן מפני שקנתרנים הם ולא

דחמוץ לי חמסן: אשרו חמוץ. כשתיקנו יד הנגזל להצילו מיד עושקו ולא אשרו חומץ לא גרסינן הכא אלא בב"ק גבי מגין שמזיקין לתובע תחלה: היה דורש כל אתין שבתורה. לרבויא: פירש. שנתיירא לרבות שום דבר להשוותו למורא. קנתרנים. מקניטים: לקפחני. כמו לקפח את שוקו:

איז געשטארבן. רבה בר שילא האט געזאגט וואו שטייט אין פסוק אז המצן איז טייטש אגזלן, דוד המלך האט געזאגט מיין גאט רעטע מיך פון די האנט פון ארשע אונ פון די האנט פון דעם פארקרימטען וחומץ אונ פון גזלן: רבה זאגט פון דעם פסוק לערנט איך גוט זיין פארשט דעם משפט. אשרו חמוץ. שטארקט דעם גערויבטען:

ה תניא. מיר האבען געלערנט שמעון העמסוני אנדערע זאגין נחמיה העמסוני האט גידרשת אלע ווערטער את וואס עס שטייט אין די תורה. אז דער ווארט את זאל מערין נאך אזאך וואס עס שטייט ניט אין די תורה. וויא ער איז גיקומען צום את ה' אלהיך תירא. דו זאלסט מורא האבען פאר גאט. האט ער ניט געוואוסט וואס צו דרשנען פון דעם ווארט את. פאר וועמען זאל מען נאך מורא האבען אויסער גאט. האבען זיינע תלמידים צו אים געזאגט. רבי אזוי וויא מען קען ניט דרשנען דעם את פון את ה' אלהיך תירא. אזוי קען מען ניט דרשנען אלע אתין פון דער תורה. וואס וועט זיין מיט די אלע אתין וואס דו האסט גידרשת. האט ער געזאגט צו זייא אזוי וויא איך האב גינומען שכר אויף דעם דרשנען: אזוי וועל איך נעמען שכר אויף מיין שיידין וואס איך וויל שוין ניט דרשנען. ביז רבי עקיבא איז גיקומען אונ ער האט גידרשת דעם את פון את ה' אלהיך תירא. מען מיינט מען זאל מורא האבען פאר תלמידי חכמים אזוי וויא מען האט מורא פאר גאט:

ו תנו רבנן. די רבנן האבען גילערנט דער נאך וויא רבי מאיר איז גישטארבין. האט רבי יהודה גזאגט צוא זיינע תלמידים די תלמידים פון רבי מאיר זאלין ניט קומען אין מיין בית המדרש. ווייל זייא זענען קריגערס. זייא וועלין ניט קומען לערנען תורה. זייא וועלין נאר קומען קריגען אויף די דינים וואס איך לערין מיט איך. זייא ווילען נאר ווייזען אז זייא קענען בעסער לערנען פר אונז. סומכוס איז גיוועזן א תלמיד פון רבי מאיר האט ער זיך ארייין גיקוועטשט צווישען די תלמידים פון רבי יהודה אונ איז ארייין גיקומען אין בית המדרש. אונ ער האט גזאגט צו די תלמידים פון רבי יהודה. אזוי האט רבי מאיר מיט מיר גילערנט אז אכהן האט גינומען א חלק פון די קרבנות. אונ מיט דעם חלק האט ער מקדש גיוועזן א אשה. סיי דער חלק פלייש איז גיוועזן פון קדשי קדשים פון א חטאת אדער פון א אשם. אונ סיי די פלייש איז גיוועזן פון גרינגע קדשים (פון שלמים אדער נאך אזעלכע קרבנות). איז דאס ווייב ניט מקודש גיווארין צום כהן: איז רבי יהודה אין כעס גיווארין אויף זיינע תלמידים. אונ ער האט גזאגט צו זייא האב איך דען איך ניט גזאגט אז די תלמידים פון רבי מאיר זאלין ניט ארייין קומען אין בית המדרש. ווייל זייא זענען קריגערס: זייא קומען ניט לערנען תורה. זייא קומען נאר קריגען אויף די דינים וואס

ולא ללמוד תורה הם באים אלא לקפחני בהלכות הם באים וכי אשה בעזרה מנין אמר רבי יוסי יאמרו מאיר שכב יהודה כעס יוסי שתק [דברי] תורה מה תהא עליה וכי אין אדם עשוי לקבל קדושין לבתו בעזרה ואין אשה עשויה לעשות לה שליח לקבל קדושיה בעזרה ועוד דחקה ונכנסה מאי ׃

נקון רגליו כנגדם להודיענו שהם חריפים ואין עומד כנגדם: וכי אשה בעזרה מנין. דקתני קדשי קדשים והרי אם יוצאים חוץ לעזרה אפי' לעזרת נשים הם נפסלים ביוצא ונשים אין נכנסות לם כדתנן במעלות הטומאות בפ"ק דמס' כלים: לבתו. קטנה או נערה: דחקה ונכנסה מהו. וכי לא הוצרכו לבא לכאן ככהת"ד מה יאמרו [אב] קדשה אם קדושין הם אם לאו:

האומר פרק שלישי

(דף נט) **א רב** גידל הוה מהפך בההוא ארעא אזיל ר' אבא זבנה אזיל רב גידל קבליה לר' זירא אזיל ר' זירא וקבליה לר' יצחק נפחא אמר ליה המתן עד שיעלה (עמנו) [אצלנו] לרגל כי סליק אשכחיה א"ל עני המהפך בחררה ובא אחר ונטלה הימנו מאי א"ל מיקרי רשע ואלא מר מאי טעמא עביד הכי א"ל לא הוה ידענא השתא נמי ניתבה ניהליה מר א"ל זבוני לא מזבינא לה דארעא קמייתא הוא

מסכך נכסיה ארעא. מחזר עליה לקנותה: קבליה. קבל עליה סיפור דברי צעקתו לר' זירא: לרגל. שמתקבצים בהלכות הרגל היו מקבלים פני הרב: עני המהפך בחררה. מחזר אחריה לזכות בה מן ההפקר או שיתננה לו בעל הבית: נקרא רשע. שיודע לאיי הגבו: לא הוה ידענא. שרב גידל מהפך בה:

איך לערין מיט אייך. וויא אזוי קומט אריין א אשה אין דיא עזרה. דער כהן זאל איר דארט מקדש זיין מיט דיא פלייש פון קדשי קדשים. אונ אויב דער כהן האט ארויס גיטראגין דיא פלייש פון דיא עזרה. צו דעם ארט ווא דיא אשה איז גישטאנען. איז דיא פלייש פסול גיווארין אונ מען דארף דיא פלייש פאר ברענען. איז דאך דיא פלייש גאר ניט ווערט. קען מען דאך ניט מקדש זיין א אשה מיט דיא פלייש. האט רבי יוסי גזאגט מען וועט זאגין מאיר איז גישטארבען. יהודה איז אין כעס. יוסי האט געשוויגען. וואס וועט זיין מיט דיא תורה. ווער וועט לערנען מיט דיא תלמידים תורה. אונ אויף דיא קשיא פון רבי יהודה איז דא א תירוץ. קען דען ניט זיין דער כהן האט גיגעבין זיין חלק פלייש אין דער עזרה צוא איין אנדער כהן אז דיא פלייש זאל זיין קידושין פאר זיין טאכטער. אונ א פאטער קען צוא נעמען קידושין פאר זיין טאכטערס וועגין. אדער א אשה האט אריין געשיקט אפרעמדין מענטש ניט איהר פאטער אין דער עזרה ער זאל זיין איר שליח צוא נעמען דיא פלייש פון דעם כהן. אונ דאס זאל זיין אירע קידושין. אונ אזוי וויא דער שליח גענומט גאר דיא פלייש. איז שוין דיא אשה מקודש צום כהן. אדער דיא אשה איז אריין גיגאנגען אין דיא עזרה אפילו זיא טאר ניט. אונ דער כהן האט איר דארט מקדש גיוועזן מיט דיא פלייש פון קרבן. דארף מען דאך וויסען אויב זיא איז מקודש אדער ניין:

פרק שלישי

א רב גידל האט גידונגען אפעלד ער האט איר גיוואלט קויפין. נאר דער פארקויפער האט גיוואלט מער געלט. אונ רב גידל האט גוואלט געבין ווייניגער. דער ווייל איז גגאנגען רבי אבא אונ האט גיקויפט דיא פעלד. איז גיגאנגען רב גידל צוא רבי זירא אונ האט גיקלאגט פאר רבי זירא אויף רבי אבא. פאר וואס ער האט גיקויפט דיא פעלד וואס ער האט גידונגען. איז גיגאנגען רבי זירא אונ האט דער ציילט דיא זאך פאר רבי יצחק נפחא. האט רבי יצחק נפחא גזאגט צוא רבי זירא ווארט ביז יום טוב ווען רבי אבא צוא אונז קומען וועלין מיר אים פרעגין. וויא רבי אבא איז גיקומען. האט רבי יצחק אים גיטראפען. אונ האט גיזאגט צו אים ווי איז דער דין אז א ארעם מאן איז גי קומען צוא א בעל הבית אונ האט גיבעטין ביי אים ער זאל אים שיינקען א קיכול. אונ ווען קיינער וואלט ניט קומען. וואלט דער בעל הבית אים גיגעבין דאס קיכול. איז גיקומען איין אנדרע ער אונ האט אים גיבעטולט דאס קיכול פון בעל הבית. אונ האט דעם קיכול צוא גינומען. מעג מען אזוי. צוא ניין. האט רבי אבא גזאגט דער אנדערער ארעם מאן

הוא לא מסמנא מלתא אי בעי לה במתנה נישקליה רב גידל לא נהית לה דכתיב (משלי טו) ושונא מתנות יחיה ר' אבא לא נחית לה משום דהפך בה רב גידל לא מר נחית לה ולא מר נחית לה ומתקריא ארעא דרבנן:

(דף סא) **ב מתני'** ר"מ אומר כל תנאי שאינו כתנאי בני גד ובני ראובן אינו תנאי שנאמר (במדבר לב) ויאמר אליהם אם יעברו בני גד ובני ראובן וכתיב ואם לא יעברו חלוצים ר' חנינא בן גמליאל אומר צריך הדבר לאומרו שאלמלא כן יש במשמע שאפילו בארץ כנען לא ינחלו (ע"ב) בשלמא לר"מ היינו דכתי' (בראשי' ד) אם תיטיב שאת ואם לא תיטיב לפתח חטאת רובץ אלא לר"ח ל"ל סד"א אם תיטיב אגרא אם לא תיטיב לא אגרא ולא דינא קמ"ל

דארעא קמייתא. דאמונה שלקחתי מעולם: [נמי מכמנה מנתא]. אינו סימן טוב שימסור אדם מקחו הראשון: ארעא דרבנן. הפקר לתלמידים: כל תנאי שאינו כפול. רחב"ג אומר. אתנאי כפול פליג וכו': שאת. משאת שכר: ואם לא תיטיב לפתח. פורענות מוכנת לבא אלמא כפילה בעינן ואם לא כפלה מכי אמר אם תיטיב שאת כוס שמעינן דאפילו אם לא תיטיב נמי שאת דתנאי שלא כפלו אינו מבטל מתנה: למה לי. אם לא תיטיב משמע מכללא: סד"א וכו'. כלו' מכללא לא הוה נפקא לן אלא ביטול מתנה הא אם לא תיטיב לא תבא שכר ופורענות נמי לא תקבל לכהי אצטריך

פאן היסט א־שעה. האט רבי יצחק געזאגט צו רבי אבא פאר וואס האסטו אזוי געטאהן. דוא האסט געקויפט דיא פעלד וואס רב גידל האט געדונגען. האט רבי אבא געזאגט איך האב ניט געוואוסט אז רב גידל דינגט דיא פעלד. האט רבי יצחק געזאגט צוא רבי אבא גיב איצט אוועק דיא פעלד צוא רב גידל. ער וועט דיר צוריק געבין דאס געלט וואס דוא האסט פאר איר געגעבין. האט רבי אבא געזאגט פאר קויפען דיא פעלד וועל איך ניט. ווארום דאס איז די ערשטע פעלד וואס איך האב געקויפט. אז איך וועל זיא פאר קויפען איז ניט קיין גוטער סימן. אויב ער וויל וועל איך זיא אים שיינקען. רב גידל איז נישט אריין גיגאנגען אין דיא פעלד. ווייל עס שטייט אין פסוק דער וואס האט פיינט מען זאל אים שיינקען. דער וועט לעבין. רבי אבא איז נישט אריין גיגאנגען אין דיא פעלד. ווייל רב גידל האט איר געדונגען. נישט רבי אבא איז אריין גיגאנגען אין דיא פעלד. אונ נישט רב גידל איז אריין גיגאנגען אין דיא פעלד. איז די פעלד גיוועז הפקר פריי פאר אלע רבנן. אונ מען האט דיא פעלד גערופין. דיא רבנן פעלד:

ב רבי מאיר זאגט. יעדער תנאי וואס ער איז ניט אויס גירעט וויא דער תנאי פון בני גד אונ בני ראובן איז גיוועז. איז ער ניט קיין תנאי. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק משה האט געזאגט צוא דיא יודין אויב דיא בני גד אונ בני ראובן וועלין אריבער גיין דעם ירדן. זאלין זיא נעמען זייער חלק אויף דער זייט ירדן. אונ אויב זייא וועלין ניט אריבער גיין דעם ירדן גיוואפינט זאלין זייא ניט נעמען קיין חלק אויף דער זייט ירדן. אזוי בייא יעדער תנאי מוז אויס גירעט ווערין אויב מען וועט מקיים זיין דעם תנאי זאל אזוי זיין. אונ אויב מען וועט ניט מקיים זיין דעם תנאי זאל ניט אזוי זיין. רבי חנינא בן גמליאל זאגט דארט האט משה רבינו גימוזט זאגין דעם תנאי טאפיל אויף יא אונ ניין. ווארום אז ער וואלט ניט אזוי זאגין. אז זייא וועלין ניט אריבער גיין דעם ירדן גיוואפינט זאלין זייא ניט נעמען אויף דער זייט ירדן נאר אין ארץ כנען. וואלט מען גימיינט פון דיא ערשטע רייד אויב זייא וועלין ניט אריבער גיין דעם ירדן גיוואפינט. זאלין זייא אפילו אין ארץ כנען אויך ניט נעמען קיין חלק. דריבער האט גימוזט משה רבינו זאגין אז אפילו זייא וועלין ניט אריבער גיין דעם ירדן גיוואפינט זאלין זייא אויך נעמען א חלק אין ארץ ישראל. אבער ביי איין אנדער תנאי דארף מען ניט מער זאגין נאר אויב מען וועט מקיים זיין דעם תנאי וועט אזוי זיין. וועט מען שוין אליין וויסען אויב מען וועט ניט מקיים זיין דעם תנאי וועט ניט אזוי זיין. זאגט דיא גמרא נאך רבי מאיר דאס ער זאגט אז מען דארף טאפלען דעם תנאי. איז רעכט וואס עס שטייט אין פסוק אויב דוא וועסט גוט זיין וועט מען דיר טובה זיין. אונ אויב דוא וועסט ניט גוט זיין וועט ליגען דיא זינד ביי די טיר.

בשלמא דימא דפורענותא: נמצא לי אם בחקותי תלכו. נשמע מכלל ברכה קללה: גלגניתא. נהמ: שלי המלך. מן הכהנים כל התמוגלי הוה: לכוחלי'. בס מדינה שבמדבר: מלוחין. ירקות הן וסמן קקולי בלשון ארמי [כמון] סקוטפים מלוח עלי׳ ביה: כשהיו עסוקים בבנין בית שני. שבאו מן הגולה והיו עניים מולאין כוללות במלאכה: ולף אם נאכל מלוחים. להיות זכר לעני אבותינו ולהודות

קמ"ל בשלמא לר"מ ה"ד (שם כד) אז תנקה מאלתי וגו' וכו' בשלמא לר"מ היינו דכתיב (ויקרא כו) אם בחקותי תלכו ואם בחקותי תמאסו אלא לרחב"ג ל"ל אצטריך סד"א אם בחקותי תלכו ברכה ואם בחקותי תמאסו לא ברכה ולא קללה קמ"ל בשלמא לר"מ היינו דכתיב (ישעיה א) אם תאבו ושמעתם ואם תמאנו ומריתם אלא לרחב"ג למה לי אצטריך סד"א אם תאבו טוב ואם תמאנו לא טובה ולא רעה קמ"ל מאי (דף סו:) חרב תאכלו אמר רבא מילחא גלגניתא נהמא דשערי אקושא ובצלי דאמר מר פת פורני חריבה במלח ובצלים קשים לגוף כהרבות:

(דף סו) **ג תניא** מעשה בינאי המלך שהלך לכוחלי' שבמדבר וכבש שם ששים כרכים ובחזרתו היה שמח שמחה גדולה שלח וקרא לכל חכמי ישראל אמר להם אבותינו היו אוכלים מלוחים בזמן שהיו עסוקים בבנין בהמ"ק אף אנו נאכל מלוחים זכר לאבותינו והעלו מלוחים על שלחנות של זהב ואכלו היה שם אדם אחד איש לץ לב רע ובליעל ואלעזר

אבער נאך רבי חנינא צוא וואס דארף מען זאגן יא אונ ניין . ענטפערט דיא גמרא איך וואלט מיינען אויב דוא וועסט גוט זיין וועסטו האבען שכר . אונ אויב דוא וועסט ניט גוט זיין וועסטו ניט האבען קיין שכר . אבער א שטראף אויך ניט . זאגט דער פסוק דער שטראף פון דיא זינד ליגט ביי דיא טיר . זאגט דיא גמרא נאך רבי מאיר איז רעכט וואס עס שטייט דאמאלס וועסטו ריין ווערין פון מיין פלוכונג . אונ אויב ניט וועסטו ניט ריין ווערין שטייט טאפל יא אונ ניין . נאך רבי מאיר איז רעכט וואס עס שטייט אויב איר וועט גיין אין מיינע גיזעץ . אונ אויב איר וועט פאר מיאוסען מיינע גיזעץ . שטייט טאפיל יא אונ ניין . אבער נאך רבי חנינא בן גמליאל צוא וואס דארף שטיין טאפיל יא אונ ניין . ענטפערט דיא גמרא עס דארף שטיין טאפיל . ווארום איך וואלט מיינען אויב איר וועט גיין אין מיינע גיזעץ וועט זיין א ברכה . אונ אויב איר וועט מיינע גיזעץ פאר מיאוסן . וועט ניט זיין קיין ברכה אונ ניט קיין קללה . טא שטיין טאפיל . אז איר וועט פאר מיאוסין מיינע גיזעץ וועט זיין א קללה . זאגט דיא גמרא נאך רבי מאיר איז רעכט וואס עס שטייט אין פסוק אויב איר וועט וועלין אונ צוא הערין . אונ אויב איר וועט ניט וועלין אונ ווידער שפעניגען . שטייט טאפיל יא אונ ניין . אבער נאך רבי חנינא בן גמליאל צוא וואס שטייט טאפיל יא אונ ניין . ענטפערט דיא גמרא עס דארף שטיין טאפיל . ווארום איך וואלט מיינען אויב איר וועט וועלין . וועט איר האבען גוטס . אונ אויב איר וועט ניט וועלין וועט איר ניט האבען גוטס אבער שלעכטס אויך ניט . דריבער שטייט טאפיל אז איר וועט ניט וועלין וועט איר האבען שלעכטס . וואס מיינט דער פסוק איר וועט אין שווערד פאר לענדט ווערין . רבא זאגט דאס מיינט מען שטיקער זאלץ מיט הארטע ברויט גערשטענע אונ ציבעלעס . ווארום דער תנא זאגט גערשטענע ברויט טרוקענע מיט זאלץ אונ ציבעלעס איז שלעכט צום גוף אזוי וויא שווערדין :

ג תניא . מיר האבען גילערנט עס האט אמאהל גיטראפין ינאי המלך איז גיגאנגען צו דער מדינה כוחליא וואס אין דער מדבר אונ האט דארט איין גינומען זעכציג שטעט . ווען ער איז צוריק גיגאנגען פון דער מלחמה איז ער גיוועזען גאנץ פרייליך . האט ער געשיקט רופין אלע יודישע חכמים . אונ ער האט גיזאגט צו זייא אונזערע עלטערין ווען זייא האבען גיבאהט דעם בית המקדש האבען זייא גיגעסין אזעלכע גראז וואס הייסט מלוח . ווייל זייא זענען גיוועזען ארעמע לייט . וועלין מיר אויך עסין דעם גראז וואס הייסט מלוח : אויף א אנגעדיינקען פון אונזערע עלטערין . אונ מיר וועלין לויבין גאט וואס ער האט אונז בגליקט אז מיר זענען היינט רייך גיווארין . האט דער מלך גיהייסין . אונ מען האט גיבראכט דעם גראז וואס הייסט מלוח אויף

ואלעזר בן פועירה שמו ויאמר אלעזר בן פועירה לינאי המלך ינאי המ ך לבם של פרושים עליך ומה אעשה הקם להם בציץ שבין עיניך הקים להם בציץ שבין עיניו היה שם זקן אחד ויהודה בן גרידא שמו ויאמר יהודה בן גרידא לינאי המ ך ינאי המלך רב לך כתר מלכות הנח כתר כהונה לזרעו של אהרן שהיו אומרים אמו נשבית במודעית ויבוקש הדבר ולא נמצא ויבדלו חכמי ישראל בזעם ויאמר אלעזר בן פועירה לינאי המלך ינאי המלך הדיוט שבישראל כך הוא דינו אתה מלך וכהן גדול כך הוא דינך ומה אעשה אם אתה שומע לעצתי רומסם ותורה מה תהא עליה הרי כרוכה ומונחת בקרן זוית כל הרוצה ללמוד יבא וילמוד אמר רב נחמן בר יצחק מיד נזרקה בו אפיקורסות דהוה ליה למימר תינח תורה שבכתב תורה שבע"פ מאי מיד ותוצץ הרעה ע"י אלעזר בן פועירה ויהרגו כל חכמי ישראל והיה העולם משתומם

לפני הקב"ה שהמליכתו והעטירתו : לבם של פרושים עליך . שונאין הם ואין שמחין במלכותך : ומה אעשה . לידע במי הוא : הקם להם בציץ שבין עיניך . תן ציץ הקודש על מצחך ויעמדו על רגליהם לפי שהשם כתוב בו והם יגלו את לבם למחות בך מהיות כהן ואע"ג דלאו שעת עבודה כדאמרינן בפ"ק בני בגדי כהונה נתנו ליהנות בהם : שהיו אומרים אמו נשבית במודעית . לכך מיחו בו שהיו הפרושים אומרים עליו אמו נשבית בהר המודעים כדרך של בית חשמונאי היה ושבויה פסולה לכהונה ובקשו אחריו ולא נמצא : ויבדלו חכמי ישראל בזעם . בכעס המלך עליהם: כך הוא דינו. לשבור תרפתו: וכך הוא דינך . כלומר שלא תנקם מהם : רומסם . דורסם : מה תהא עליה . שמא תשתכח : הרי הרי ספר תורה כרוכה ומונחת . ובתוכן כתובות המצות ולא ישתכחו : ותוצץ הרעה . לשון ויצץ ציץ ויגמול שקדים נ"א בערה לשון מוצים כציץ

עד

גאלדענע טישען . אונ מען האט גיגעסין . אונ דארטן צווישען די חכמים איז גיוועזן איין מענטש וואס האט גילאכט פון תורה אונ מצות . אונ האט גיהאט אשלעכט הארץ . זיין נאמע איז גיוועזן אליעזר בן פועירה . האט אליעזר בן פועירה גזאגט צו ינאי המלך . דו זאלסט וויסען אז די פרושים וויא פרומע האבען דיך פיינט אין הארצין . האט דער מלך גיפרעגט וויא אזוי קען איך וויסען אז דו זאגסט אמת . האט אליעזר גזאגט נעם די גאלדענע בלעך פון כהן גדול אונ גיב זיא אויף דיין שטערין . וועלין זיך די אלע פרושים אויף שטעלין . ווייל אויף די בלעך איז גיוועזן אויסגעקריצט דער שם הוי"ה . אונ זייא וועלין דיר זאגין אז דו טארסט ניט גיין אין די בלעך . אונ דו טארסט ניט זיין אכהן . האט ינאי אזוי גיטאהן . ער האט גיגעבין די גאלדענע בלעך פון כהן גדול אויף זיין שטערין . אונ אלע פרושים האבען זיך אויף גישטעלט . אונ דארט איז גיוועזן אאלטער מאן זיין נאמען איז גיוועזן יהודה בן גרידא . האט יהודה בן גרידא גזאגט צו ינאי המלך גענוג פאר דיר די קרוין פון מלוכה . לאז די קרוין פון כהונה צו די קינדער פון אהרן . וואריום די פרושים האבען גזאגט די מוטער פון ינאי המלך איז גיוועזן געפאנגען צווישען גוים אין די שטאט מודעית . אונ אכהן טאר ניט נעמען אווייב אזעלכע וואס איז גיוועזן געפאנגען צווישען גוים . טאמער האבען די גוים מיט איר מזנה גיוועזן . האט דאך זיין מוטער ניט גיטארט גענומען ווערין צו זיין פאטער . איז דאך ינאי המלך דער זוהן ווייערער פסול צו זיין אכהן . האט מען נאך געזוכט אויב דיא זאך איז אמת . אונ מען האט ניט געפונען אז זיין מוטער איז גיוועזן געפאנגען . ווענען די יודישע חכמים אפ גישיידט גיווארין פון מלך מיט כעס . דער מלך איז אויף זייא אין כעס גיוועזן . האט אליעזר בן פועירא גזאגט צוא ינאי המלך . ביי אפראסטין יודין איז אזוי דער דין אז ער בדארף ליידין זיין חרפה . אבער דוא ביסט אמלך אונ אכהן גדול . דיין דין איז אויך דוא זאלסט ליידין דיין חרפה . געוויס ניט . האט דער מלך גיפרעגט אונ וואס זאל איך טאהן . האט אליעזר גזאגט אויב דוא ווילסט הערין מיין עצה . הרגת זייא . האט דער מלך גזאגט אונ וואס וועט זיין מיט די תורה . טאמער וועט די תורה פר געסין ווערין . האט אליעזר גזאגט די תורה איז פר וויקלט אונ ליגט אין אווינקיל ווער עס וועט וועלין לערנען זאל קומען אונ לערנען . רב נחמן בר יצחק זאגט עס איז באלד אריין גיקומען אין ינאי המלך אפיקורסות . וואריום ער האט גידארפט זאגין צו אליעזר דס איז רעכט די געשריבענע תורה וועט ניט פר געסין ווערין . אבער ווס וועט זיין מיט די אויס ווייניגסטע תורה . וואס די רבנן לערנען . אז די רבנן וועלין ניט זיין וועט מען דאך פאר געסין . הט באלד ארוים גישפראצט די

עד שבא שמעון בן שטח והחזיר את התורה ליושנה ׃

ד בן גרושה ובן חלוצה דעבודתו כשרה מנ״ל א״ר יהודה אמר שמואל דאמר קרא (במדבר כה) והיתה לו ולזרעו אחריו בין זרע כשר ובין זרע פסול אבוה דשמואל אמר מהכא (דברים לג) ברך ה׳ חילו ופועל ידיו תרצה אפילו חולין שבו תרצה ר׳ ינאי אמר מהכא (דברים כו) ובאת אל הכהן אשר יהיה בימים ההם וכי תעלה על דעתך שאדם הולך אצל כהן שלא היה בימיו אלא זה כשר ונתחלל . בעל מום דעבודתו פסולה מנ״ל אמר רב יהודה אמר שמואל אמר קרא (במדבר כה) לכן אמור הנני נותן לו את בריתי שלום כשהוא שלם ולא כשהוא חסר והא שלום כתיב א״ר נחמן וא״ו דשלום קטיעא הוא ׃

פירוש: ממנהיר נגלה: שמעון בן שטח. אחי אשתו היה והחביאהו: והיתה לו ולזרעו אחריו וגו׳. בין זרע פסול אלא ולכתחלה [לא] קאמר דהא מחולל קרייה רחמנא שנתחלל מקדושת כהן: חולין שבו. חללין שבו חלוין שבשבט לוי דקרא בשבט לוי כתיב: ובעל מום דעבודתו פסולה מנ״ל. אם עבד בשוגג ואפילו במזיד כתיב אך אל הפרכת לא יבא וגו׳ ולא יחלל את מקדשי: אלא עבד בלא ידיעה מנלן דלא מכשרין ליה מהאי קרא דוהיתה לו ולזרעו אחריו: שני שנן לו. לעיל בוכין ה לו ולזרעו כתיב אלמא בשלמים הוא (דכשר) [דאפסר]:

עשרה יוחסין פרק רביעי

(דף סט) **א ומשנה** עשרה יוחסין עלו מבבל לארץ ישראל כהני לויי ישראלי וכו׳ ׃ מאי

שלעכין דורך אלעזר בן פועירא אונ מען האט גיהרגט אלע יודישע חכמים. אין די וועלט גיוועזן וויסט פון תורה ביז שמעון בן שטח איז געקומען אונ האט צוריק גיקערט די תורה צוא איר אלטקייט. אזוי וויא זיא איז פריער גיוועזן. ווארום שמעון בן שטח איז גיוועזן א ברודער פון דיא מלכה. האט דיא מלכה אים בעהאלטען מען זאל אים ניט הרגנן ׃

ד בן, אז א כהן האט גענומען א ווייב וואס איז א גרושה אדער ערשטער מאן האט איר גיטם אדער דיא האט גינומען חליצה. אונ דיא האט א זוהן פון דעם כהן. אונ דער זוהן האט מקריב גיוועזן קרבנות אין בית המקדש. פון וואנעט ווייסען מיר אז זיינע קרבנות זענען כשר. האט רב יהודה גיזאגט פון שמואלס וועגן. עס שטייט אין פסוק דיא כהונה זאל זיין צו פינחס אונ צוא זיינע קינדער נאך אים. וועלכע קינדער ער וועט האבען. סיי פון א כשרע ווייב אונ סיי פון א פסולה ווייב. זענען זייא אלין כהנים. דער פאטער פון שמואל האט גיזאגט פון דעם פסוק ווייסען מיר ׃ ברך ה׳ חילו ופועל ידיו תרצה. חילו איז דער טייטש דיא פסולה, גאט זאל בענטשין דיא פסולה כהנים אויך. אונ דיא קרבנות וואס דיא פסולה כהנים וועלין מקריב זיין. זאל גאט אויך וועלין אן נעמען. רבי ינאי זאגט פון דעם פסוק ווייסען מיר. דוא זאלסט קומען צו דעם כהן וואס וועט זיין אין דיא טעג. קען דען א מענטש גיין צוא דעם כהן וואס איז ניט אין זיינע טעג. נאר מען מיינט א כהן וואס איז גיוועזן כשר. אונ ער איז פסול גיווארין. זאלסטו צו אים גיין אזוי וויא ער איז אין זיינע טעג. אפילו ער איז שוין אין דיין צייט פסול. זאלסט אויך צוא אים גיין. א כהן וואס האט א פעלער ווען פעלט אים א גוף אבער א האנט אונ ער האט מקריב גיוועזן א קרבן. איז דער קרבן פסול. פון וואנען ווייסען מיר דאס. האט רב יהודה גזאגט פון שמואלס וועגן עס שטייט אין פסוק דוא זאלסט זאגין צוא פינחס איך וועל אים געבין את בריתי שלום. די כהונה געהער נאר צוא פינחס מיט זיינע קינדער ווען זיי זענען גאנץ. זייא האבען ניט קיין פעלער. אבער דיא קינדער וואס האבען פעלערס זענען ניט קיין כהנים. פרעגט דיא גמרא עס שטייט דאך ניט אזה בריתי שלם. גאנץ. נאר עס שטייט את בריתי שלום. מיט פריעדען. האט רב נחמן גיזאגט דער וא״ו פון שלום איז אפ גיהאקט. ער איז אזוי וויא איין ווארט. לייענט מען שלים. גאנץ ׃

פרק רביעי

א משנה. עשרה. צעהן ערליי מיוחסים זענען אויף גיגאנגען פון בבל אין ארץ ישראל

גמ' מאי איריא דתני עלו מבבל ניתני הלכו לא"י כלתא אגב אורחיה קמ"ל [כד] תניא (דברים יז) וקמת ועלית אל המקום אשר יבחר ה' אלהיך מלמד שבהמ"ק גבוה מכל ארץ ישראל וא"י גבוה מכל הארצות בשלמא בה"מ גבוה מכל א"י היינו דכתיב (שם) דברי ריבות בשעריך וקמת ועלית. אלא א"י גבוה מכל הארצות מנ"ל דכתיב (ירמי' כג) לכן הנה ימים באים נאם ה' ולא יאמרו עוד חי ה' וגו' כי אם חי ה' אשר העלה ואשר הביא וגו':

(דף ע) **ב א"ר** אלעזר לא עלה עזרא מבבל עד שעשאה כסולת נקיה ועלה כתיב (נחמיה ז) אלה העולים מתל מלח תל חרשא כרוב אדון ואמר ולא יכלו להגיד בית אבותם וזרעם אם מישראל הם תל מלח אלו בני אדם שדומין מעשיהם למעשה סדום שנהפכה לתל מלח. תל חרשא זה שקורא אבא ואמו משתקתו. ולא יכלו להגיד בית אבותם וזרעם אם מישראל הם זהו אסופי שנאסף מן השוק שאינו מכיר לא את אביו ולא את אמו. כרוב אדון ואמר א"ר אבהו אמר אדון אני אמרתי יהיו ישראל לפני חשובים כרוב

בשלמא בהמ"ק גבוה. משמע מיניה דהא בא"י משתעי קרא: דברי ריבות בשעריך וקמת ועלית וגו'. מכאן שהמקדש גבוה מכל א"י דמכל לדדיה שהם כתיב ועלית: אשר העלה. [וגו'] מארץ צפון דהיינו בבל ומכל הארצות אשר הדחתים שם וכתיב אשר העלה:

לא עלה עזרא. כל עצמו של עזרא לנקות את בבל נתכוין לפי שראה אותם שנתערבו באומות וראה שהיו חכמי הדור עולין עמו ואין עוד בבבל שיתעסק לבדוק בהם ליוחסן עמד והפריש פסוליהם והוליכם עמו והדור שראו הפרשתן הכירו בהם ולא חששו שיתערבו בהם אלו [הפסולין] העולים ולדורות הבאים נמי כיון דאמר מר לשכת הגזית ששם היו יושבים מיוחסי כהונה ולויה בכל יום מזכר זכיר מפסולים: [למעשה סדום]. שהיו מגלי עריות דכתיב רעים וחטאים רעים בגופם וחטאים בממונם ואמרינן בחלק דמתי לאיתתא דחבריה ומפילה אמר ליה הטוי גבן עד דמעברא הכי ממזרים [לגבי] ישראל: חרשא. לשון מחרישין: בית אבותם. אביו: וזרעם. אמו: זה אסופי. דאילו שתוקי מכיר להודיע אמו שכא

כהנים. לוים. ישראלים: און ווייטער שטייט אין דער גמרא: פרעגט די גמרא צו וואס לערנט די משנה ויא זענען אויף גיגאנגען פון בבל אין ארץ ישראל. זאל די משנה לערנען זיא זענען גיגאנגען אין ארץ ישראל. ענטפערט די גמרא די משנה וויל אונז דער וויל דער ציילען נאך אזאך. אזוי ויא מיר האבען גילערנט. אז ארץ ישראל שטייט אויף אבארג און פון בבל אין ארץ ישראל דארף מען ארויף גיין. ווארום עס שטייט אין פסוק דו זאלסט אויף שטיין און זאלסט אויף גיין צוא דעם ארט וואס גאט וועט אויס דער ווילען. דער פסוק לערנט אונז אז דער בית המקדש איז העכער פון גאנץ ארץ ישראל. און ארץ ישראל איז העכער פון אלע לענדער. פרעגט די גמרא דאס ווייסין מיר טאקי אז דער בית המקדש איז העכער פון גאנץ ארץ ישראל. ווייל עס שטייט אין פסוק אז עס וועט זיין קריג אין דיינע שטעט. זאלסטו אויף גיין צום בית המקדש: אבער אז ארץ ישראל איז העכער פון אלע לענדער. פון וואנען ווייסין מיר דאס. ווארום עס שטייט אין פסוק גאט זאגט עס וועלין קומען טעג מען וועט שוין מער ניט זאגין חיא גאט לעבט וואס ער האט אונז אויף גיבראכט פון מצרים. נאר מען וועט זאגין אזוי ויא גאט לעבט וואס ער האט אויף גיבראכט די יודין פון דער גאנצער וועלט. אז מען זאגט אויף גיבראכט. איז דאך ארץ ישראל העכער פון אלע לענדער:

ב אמר. רבי אלעזר זאגט עזרא איז ניט אויף גיגאנגען פון בבל ביז ער האט איר גימאכט חיא ריינע מעהל. ער האט אפ גיטיילט די פסולה מענטשין בזונדער. און די כשרה בזונדער. אזוי ויא עס שטייט אין פסוק די מענטשין זענען אויף גיגאנגען פון תל מלח תל חרשא כרוב ארון ואמר. און זייא האבען ניט גיקענט זאגין זייער משפחה און זייערע קינדער אויב זייא זענען פון יודין אדער ניין. פאר וואס האט מען גירופין דעם ארט תל מלח. ווייל דארט זענען גיוועזען מענטשין וואס זייא האבען גיטאהן אזוי ויא די מענטשין פון סדום האבען גיטאהן. וואס פון סדום איז גיווארין זאלץ. פאר וואס האט מען גירופין דעם ארט תל חרשא. ווארום חרשא איז דער טייטש שטיל. און אויף דעם ארט זענען גיוועזען קינדער. אז דאס קינד האט גיפרעגט אויף זיין פאטער האט די מוטער אים גיהייסין ער זאל שווייגין. זיא האט ניט גיוואלט זאגין ווער זיין פאטער איז. אין פסוק שטייט זייא האבען ניט גיקענט זאגין זייער משפחה און זייערע

כברוב והם שמו עצמם כנמר א"ר א"ר אבהו אמר אדון אע"פ ששמו עצמם כנמר חשובים לפני ככרוב:

ג אמר רבה בר בר חנה כל הנושא אשה שאינה הוגנת לו מעלה עליו הכתוב כאילו חרשו לכל העולם כולו וזרעו מלח שנאמר (נחמיה ז) אלה העולים מתל מלח תל חרשא. אמר רבה בר רב אדא אמר (רבא) [רב] כל הנושא אשה לשם ממון הויין לו בנים שאינם מהוגנים שנא' (הושע ה) בה' בגדו [כי בנים זרים ילדו] ושמא תאמר ממון פלט ת"ל (שם) עתה יאכלם חדש את חלקיהם ושמא תאמר חלקו ולא חלקה ת"ל הלקיהם ושמא תאמר לזמן מרובה ת"ל חדש מאי משמע א"ר נחמן בר יצחק חדש נכנס וחדש יצא וממונם אבד. ואמר רבה בר רב אדא ואמרי לה אמר רב סלא אמר רב המנונא כל הנושא אשה שאינה הוגנת לו אליהו כופתו והקב"ה רוצעו ותנא על כולם אליהו כותב והקב"ה חותם אוי לו למי שפוסל את ז"עו וכונם

את

מישראל והכי לא ידעו אם מישראל הם: אמר אדון. מסרס המקרא ודרש הכן כמו אדון אומר כמו אמר אדון הקב"ה: ככרוב. קדושים ככרובי הקודש כהיות הקודש דכתיב בית פני הכרוב: כנמר. כה"ג זו שאינה מקפדת חברתה בזוג:

כאילו חרשו כו'. משום דלא יכלו להגיד יחוס קרי נבו אל מלח הרשא לשון חורש. בנים זרים. מאשה פסולה לו ומשום ממון נסבה כדמסיים קרא יאכלם חדש את חלקיהם ממון שנשאה לשמו יאכלם בחדש אחד: ובמאי תאמר חלקו. כגון נכסי צאן ברזל: ולא חלקה. כגון נכסי מלוג דכי לאו איסורא אבדיה שחוזרים לירשה למיוהם: שאינה הוגנת. פסולה לו: כופתו. הלוקה בבית דין כופתין שתי ידיו על העמוד במס' מכות כופתו קושרו: רוצעו. מלקהו ברצועה: ועל כלם. כהנים לוים וישראלים: אליהו כותב.

קינדער אויב זייא זענען פון יודין. דאס איז אסופי. אפרעמדע קינד וואס מען האט אים געפונען אין גאס. אונ ער קען ניט זיין פאטער אונ ניט זיין מוטער. אונ ער ווייסט ניט אויב ער איז איוד אדער גוי. אין פסוק שטייט כרוב אדון ואמר. רבי אבהו זאגט גאט האט גזאגט איך האב גימיינט או די יודין וועלין זיין ביי מיר גירעכונט אזוי וויא מלאכים. אונ זייא האבען זיך גימאכט אזוי וויא דיא לעמפערטין וואס זייא זענען מזנה. אנדערע זאגין אזוי האט רבי אבהו גזאגט. גאט האט גזאגט אפילו דיא יודין האבען זיך גימאכט וויא דיא לעמפערטין. פון דעסטוועגין זענען זייא ביי מיר גירעכונט וויא דיא מלאכים:

ג אמר. רבה בר בר חנה האט גזאגט דער וואס נעמט אווייב וואס פאסט ניט פאר אים. רעכונט אים דער פסוק גליך וויא ער וואלט צו האקערט דיא גאנצע וועלט אונ ער וואלט אויף איר געזייט זאלץ. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אלה העולים מתל מלח תל חרשא. דיא קינדער וואס האבען ניט גיקענט זאגין זייער יחוס רופט זייא דער פסוק מלח חרשא. וויא ער וואלט גיהאקערט אונ פאר זייעט זאלץ. רבה בר רב אדא האט גזאגט פון רבם וועגין דער וואס נעמט אווייב פון וועגין געלט. וועט ער האבען קינדער ניט פרומע. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק זייא האבען גיפעלשט אין גאט ווייל זייא האבען גיבארין קינדער פון אזוי אווייב וואס זיא איז פרעמד צו אים. זיא פאסט ניט פאר אים. ער האט איר נאר גינומען ווייל זיא הט גיהאט פיל געלט. טאמער וועסטו זאגין דאס געלט וועט בלייבען ביי אים. שטייט אין פסוק זיי וועלין איצט אויף עסין אין איין חודש זייער חלק. טאמער וועסטו זאגין זיין חלק וועט אויף גיגעסין ווערין ווייל ער האט גענומען אווייב וואס פאסט ניט פאר אים. אבער ניט איר חלק. ווארום זיא האט דאך גינומען אמאן איתן. שטייט אין פסוק חלקיהם. זייער ביידענס חלק וועט אויף גיגעסין ווערין. טאמער וועסטו זאגין או איר חלק וועט דויערין אלאנגע צייט ביז ער וועט אויף גיגעסין ווערין. שטייט אין פסוק חודש. עס וועט נאר דויערין איין חודש. אזוי וויא רב נחמן בר יצחק זאגט. אחודש גייט אריין אונ אחודש גייט ארויס אונ זייער געלט איז פר לארין. מען מיינט ניט אז אין איין חודש וועט זייער געלט פארלארין ווערין. נאר עס וועט ניט אוועק גין איין חודש וואס אין אים זאל ניט פארלארין ווערין אטייל פון זייער געלט. ביז עס וועט אין גאנצען פארלארין ווערין. נאך האט רבה בר רב אדא גזאגט. אנדערע זאגין רב סלא האט גזאגט פון רב המנונא וועגין דער וואס נעמט אווייב וואס איז פסול צוא אים למשל איד נעמט אממזרתו. אליהו הנביא בינדט אים. אונ גאט שלאגט אים מלקות. מיר האבן

את משפחתו ולנושא אשה שאינה הוגנת לו [אליהו בופתו והקב"ה רוצען] וכל הפוסל פסול ואינו מדבר בשבחו של עולם ואמר שמואל במומו פוסל:

ד ההוא גברא [דמיהרדעא] דעל לבי מטבחיא בפומבדיתא אמר להו הבו לי בשרא אמרו ליה נטר עד דשקיל שמעיה דרב יהודה בר יחזקאל (ברישא) וניתב לך אמר מאן יהודה בר שויסקאל דקדים לי דשקיל מן קמאי אזלו אמרו ליה לרב יהודה (איקפיד אפיק שיפורא) ושמתיה אמרו ליה רגיל דקרי אינשי עבדי אכריז עליה דעבדא הוא אזל ההוא גברא אזמניה לדינא לקמיה דרב נחמן אייתי פיתקא דהזמנתא אזל רב יהודה לקמיה דרב הונא א"ל איזיל או לא איזיל א"ל מיזל לא מיבעיא לך למיזל משום דגברא רבא את אלא משום יקרא דבי נשיאה קום זיל אתא אשכחיה דקעביד מעקה א"ל לא סבר מר להא דאמר רב הונא

מאי דקאמר ואזיל: אוי לו לפוסל זרעו ולפוגם את משפחתו. כגון שנשא אשה שאינה הגונה לו [כמי אליהו לאו אליהו דכתיב במקרא הוא דא"כ מקמי דהוה אתי מאן כפתיה אלא שמא מלאך שהוא סופר למעלה]: כל הפוסל. מגדף ומגיד אם ממשפחות הוא על.ו פסול: ואינו מדבר בשבחו של עולם. אין דרכו של פסול לדבר בשבח הבריות לעולם: נטר עד דשקיל שמעיה דרב יהודה. המתן עד שיטול שלוחו של רב יהודה שעומד כאן ליטול: בר שויסקאל. לשון גנאי גרגרן אוכל שויסקי גלי כדאמרינן בפסחים באימורי פסח מג.ים. מאן לימא לן דלא שויסקי עבדינהו בשם רבינו הלוי: שמתיה. כדאמרינן דמנדין לכבוד הרב במ"ק: אמרו ליה. לרב יהודה רגיל ההוא גברא דקרי לאינשי עבדי: לקמיה דרב הונא. לימלך בו אם יש לו לילך לפני רב נחמן: לא איבעיא לך למיזל. לפני רב נחמן שאתה גדול ממנו ואתה רבה בפומבדיתא ורב נחמן רבה בנהרדעא ודיין לראש גלותא והתניה דבי נשיאה כדאמרינן בהפור וסרקט מפום דרב נחמן התניה דבי נשיאה שם מזולזל בשמעתיה דר' יוחנן: יקרא דבי נשיאה.

גילערנט אלע מענטשן ווער עס נעמט אהייב וואס איז פסול צוא אים. אליהו הנביא שרייבט אונ גאט חתמת. דיא ווערטער שרייבט אליהו. וויי צוא דעם מענטש וואס מאכט פסול זיינע קינדער. אונ ער פאר שעמט זיין משפחה. אונ דער וואס נעמט אהייב וואס איז פסול צוא אים אליהו בינדט אים אונ גאט שלאגט אים מלקות. אונ דער מענטש וואס זידולט מענטשן אונ זאגט אויף זייא אז זייא זענען פסול. איז אסימן אז ער אליין איז פסול ווארום דער וואס איז פסול רעט קיין מאהל ניט קיין גוטס אויף דיא מענטשן פון דער וועלט. נאר אויף יעדער מענטש געפינט ער איין אנדער פעלער. שמואל זאגט מיט זיין פעלער מאכט ער פסול. ער מיינט אז אלע זענען אזוי פאלש אונ אזו שלעכט וויא ער איז:

ד ההוא. אמענטש פון נהרדעא איז געוועןן אין פומבדיתא. איז ער אריין גינאנגען אין איאטקע קויפען פלייש. האט ער גיזאגט צום קצב גיב מיר פלייש פאר געלט. האט דער קצב גיזאגט צוא דעם מענטש ווארט ביז דער קנעכט פון רב יהודה בר יחזקאל וועט פריער נעמען פלייש. דער נאך וועט מען דיר געבין פלייש: האט דער מענטש גיזאגט ווער איז דאס דער יהודה בר שויסקאל וואס ער זאל זיין פריער וויא איך. ער זאל נעמען פלייש פריער פר מיר (שויסקאל איז אפרעסער וואס עסט גיבראטען פליישו). איז מען גיגאנגען אונ מען האט גיזאגט דיא רייד פון דעם מענטש פאר רב יהודה. איז רב יהודה אין כעס גיווארין אונ האט גיבלאזין שופר אונ ער האט גיזאגט דער מענטש זאל זיין אין חרם. דער נאך האט מען גיזאגט פאר רב יהודה אז דער מענטש רופט אלע מענטשין זייא זענען קנעכט. האט רב יהודה אויס גערופין אויף דעם מענטש אז ער איז אקנעכט. איז גיגאנגען דער מענטש אונ האט גערופין רב יהודה ער זאל גיין מיט אים האבען אדין תורה פאר רב נחמן. אונ ער האט גיבראכט אקוויטל פון רב נחמן צוא רב יהודה ער זאל קומען האבען אדין תורה. איז גיגאנגען רב יהודה צו רב הונא פרעגין ביי אים אעצה אויב ער זאל גיין האבען אדין תורה פר רב נחמן אדער ניין. האט רב הונא גזאגט צוא רב יהודה דוא דארפסט אפילו ניט גיין האבען אדין תורה פאר רב נחמן. ווייל דוא ביסט אגרויסער מאן. גרעסער וויא רב נחמן. נאר ווייל רב נחמן איז אאיידים פון נשיא. פון וועגין דעם כבוד פון נשיא. גייא צו אים: איז רב יהודה געקומען פאר רב נחמן. האט רב יהודה געטראפין אז רב נחמן מאכט אוואנט ארום זיין דאך וואס איז אמעקה וואס עס שטייט אין דער תורה. האט רב יהודה גזאגט צוא רב נחמן האלטסטו דען ניט וואס רב הונא בר

הונא בר אידי אמר שמואל כיון שנתמנה אדם פרנס על הצבור אסור בעשיית מלאכה בפני ג' א"ל פורתא דגונדריא הוא דקא עבידנא א"ל מי סניא מעקה דכתיב באורייתא או מחיצה דאמור רבנן א"ל ליתיב מר אקרפיטא א"ל ומי סניא אצטבא דאמור רבנן או ספסל דאמרי אינשי א"ל ליכול מר אתרונגא א"ל הכי אמר שמואל כל האומר אתרונגא (תלתא) [תילתא] ברמות רוחא (דאית ביה לימא) או אתרוג כדקריוה רבנן או אתרוגא כדאמרי אינשי א"ל לישתי מר אנבגא א"ל מי סניא איספרגוס דקריוה רבנן או אנפק דאמרי אינשי א"ל תיתי דונג תשקינן אמר ליה הכי אמר שמואל אין משתמשין באשה כלל בין גדולה בין קטנה נשדר לה מר שלמא לילתא א"ל הכי אמר שמואל קול באשה ערוה אפשר על ידי שליח א"ל הכי אמר שמואל אין שואלין בשלום אשה . על ידי בעלה. א"ל הכי שמואל אין שואלין בשלום אשה כלל . שלחה ליה דביתהו שרי ליה תיגריה דלא נשוך כשאר (אינשי) [ע"ה]

שהוא חזן הכנסת : אסור לעשות מלאכה בפני שלשה . שגנאי הוא ושפלות לדור שכפופין לזה שאין לו מי שיעשה מלאכתו : דגונדריא . היינו מעקה באחד הלשונות : מי סניא . כלו' מי מבוער ובזוי ל' הורס ולשון שאר בני אדם שאתה מדבר בעמקי שפה ומתכוין היה רב יהודה להופשו בדברין ולקנטרו להודיעו שלא היה לו להקפיד עליו להזמינו לפניו : אקרפיטא . ספסל : אלתא ברמות רוחא . מתוך שאינו רוחו גסה הוא תוהה בדיבורו : אנבגא . כוס שהוא רביעית והיו רגילין לשתות כוס אחד ממשקה כשהוא נשתותו שמריה וקורהו אספרגוס במס' ברכות : אנפק . כוס של רביעית ולשון אנפק היה שגור בפיהם : תיתי דונג . תבא נהי בכן שמה : אין משתמשין באשה . שלא ילמדנה להיות רגילה בין האנשים : קטנה היא . רב נחמן קאמר ליה : לינתא . שם אשתו : קול באשה ערוה . שנאמר השמיעני את קולך ואם אשאל בשלומה השיבני : א"ל . רב נחמן אפשר לשלוח לה שאלת שלום ע"י שליח : אין שואלין בשלום אשה . שמא מתוך שאלת שלום יהיו רגילין זה עם זה ע"י שלוחם ויבאו לידי חיבה : אמר רב נחמן ע"י בעלה . אביה הוי שליח לדבר : אין שואלין בשלום אשה כלל . שמרגיל לבה ודעתה (לימשך) אצלו . שלחה ליה ילתא לרב נחמן : שרי ליה תיגריה . פטור אותו מלגנין זה לשון השגנות

אידי האט געזאגט פון שמואלס וועגן אז אמענטש ווערט אויף גענומען צוא זיין אפיער פון אשטאט טאר ער ניט טאהן קיין ארבעט . ווען דריי מענטשין זעהן . האט רב נחמן גזאגט איך האב נאר גימאכט אביסול גונדריא ומעקה . האט רב יהודה גזאגט צוא רב נחמן פאר וואס זאגסטו גונדריא . אונ זאגסט ניט מעקה . אזוי ווי עס שטייט אין דיא תורה ; אדער זאג מחיצה אזוי וויא דיא רבנן זאגין . איז דען מעקה אדער מחיצה מיאוסה ווערטער . דער נאך האט רב נחמן גזאגט צוא רב יהודה זיץ אויף דיא קרפיטא . האט רב יהודה גזאגט צוא רב נחמן פר וואס זאגסטו קרפיטא . אונ זאגסט ניט אצטבא אזוי וויא דיא רבנן זאגין ; אדער זאג ספסל אזוי וויא מענטשין זאגין . איז דען אצטבא אונ ספסל מיאוסה ווערטער ; קרפיטא איז אבאנק . אצטבא איז אבאנק . ספסל איז אבאנק . דער נאך האט רב נחמן גזאגט צוא רב יהודה טאמער וועסטו עסין אתרונגא . האט רב יהודה גזאגט צוא רב נחמן אזוי האט שמואל גזאגט דער וואס זאגט אתרונגא איז אסימן אז אדריטול פון גאוה איז דא אין אים . אדער מען זאגט אתרוג אזוי וויא דיא רבנן זאגין . אדער מען זאגט אתרוגא אזוי וויא מענטשין זאגין . דער נאך האט רב נחמן גזאגט צוא רב יהודה טאמער וועסטו טרינקען אנבגא . האט רב יהודה גזאגט צוא רב נחמן פאר וואס זאגסטו אנבגא . אונ זאגסט ניט איספרגוס אזוי וויא דיא רבנן זאגין אדער אנפק אזוי וויא מענטשין זאגין . איז דען איספרגוס אונ אנפק מיאוסה ווערטער . דער נאך האט רב נחמן גזאגט זאל קומען מיין טאכטער דונג אונ זאל אונז געבין צום טרינקען . האט רב יהודה גיזאגט צוא רב נחמן אזוי האט גזאגט שמואל מען טאר ניט אאשה זאל בעדינען מאנס לייט . האט רב נחמן גזאגט זיא איז נאך קליין . האט רב יהודה גזאגט שמואל האט בפירוש גזאגט אז אאשה טאר ניט בעדינען מאנס לייט . סיי אגרויסע אונ סיי אקליינע . האט רב נחמן גזאגט צוא רב יהודה פאר וואס זאגסטו ניט אגרים צוא מיין ווייב ילתא . האט רב יהודה גזאגט צו רב נחמן אזוי האט גזאגט שמואל מען טאר ניט הערין דעם קול פון אאשה . אונ אז איך וועל צוא איר געריסען וועט זיא דאך מיר ענפערין ; האט רב נחמן גזאגט צוא רב יהודה שיק דורך אמענטש צוא איר אגרים . האט רב יהודה גזאגט צוא רב נחמן אזוי האט גזאגט שמואל מען טאר ניט געריסען צו אאשה אפילו דורך אשליח אויך ניט . האט רב נחמן גזאגט צוא רב יהודה גריס מיין ווייב דורך איר מאן . דורך מיר . האט רב יהודה גזאגט צוא רב נחמן . אזוי הט גזאגט שמואל מען טאר גאר ניט געריסען צוא אאשה . אפילו דורך איר מאן אויך ניט . דיא ווייב פון

א"ל מאי שיאטיה דמר הכא א"ל טסקא דהזמנותא שדר מר אבתראי א"ל השתא שותא דמר לא גמירנא טסקא דהזמנותא משדרנא למר אפיק דיסקא דהזמנותא מבי חדייה ואחזי ליה א"ל הא גברא והא טסקא א"ל הואיל ואתא מר להכא לישתעי מיליה כי היכי דלא לימרו מחניפי רבנן אהדדי א"ל מ"ט שמתיה מר לההוא גברא ציער שלוחא דרבנן ונגדיה מר דרב מנגיד על מאן דמצער שלוחא דרבנן דעדיף מיניה עבדי ליה מ"ט אכריז מר עליה דעבדא הוא א"ל דרגיל דקרי אינשי עבדי ותניא כל הפוסל פסול ואינו מדבר בשבחו של עולם ואמר שמואל במומו פוסל אימר דאמר שמואל למיחש לאכרוזי עליה מי אמר אדהכי והכי אתא ההוא בר דיניה מנהרדעא א"ל ההוא בר דיניה לרב יהודה לדידי קרית לי עבדא דאתינא מבית חשמונאי מלכא אמר ליה הכי אמר שמואל כל דאמר מבית חשמונאי קאתינא

גומר מסרי ליה תיגריה כשמחבר לעשות נקמה שאינם אלא דינו כדי להפטר ממנו : מאי שיאטיה דמר הכא . מה דרכו של אדוני לשוט הלום כלומר למה בא אדוני הנה : שותא דמר לא ידענא . שיחא של אדוני איני מבין לדבר בגבהות לשונו : לדינא מזמינא ליה . בתמיה : אפיק דיסקא דהזמנותא . הוציא שטר הזמנה מחיקו שכתב לו רב נחמן שיבא לפניו : מבי הדייה. מתוך חיקו: לימא מר מיליה . ידבר דברי זכותו על ריבו של אותו האיש : מצער שלוחא דרבנן - בזה שלוחו לפניו וחייב מלקות : דרב מנגיד אמאן דמצער שלוחא דרבנן . כדאמרינן בפ"ק : דעדיפא מיניה . חמורה ממנה עשיתי לו לקנסו : אדהכי אמר ההוא בר דיניה לרב יהודה לדידי . דאתינא מבית חשמונאי קרית לי עבד : כל דאמר מבית חשמונאי אנא עבד הוא . שכל זרעו הרגם הורדוס עבד היה ומלך תחתיהם וקרא בנו על שם בית חשמונאי ומסתמא לאו בנות ישראל נסיב דמזכרים הם להביא בגופם

רב נחמן האט געשיקט צוא רב נחמן פערטיג אפ דעם מענטש דעם רב יהודה ער זאל אוועק גיין פון דיר. ווארום ער וויל ווייזען אויף דיר אז דוא ביסט אעם הארץ. הט רב נחמן גזאגט צו רב יהודה וואס טוהסטו דא: הט רב יהודה גזאגט צוא רב נחמן דוא האסט דאך געשיקט צוא מיר אקוויטול איך זאל קומען פאר דיר צוא אדין תורה. האט רב נחמן גזאגט צוא רב יהודה מאראך איך פאר שטייא ניט צו ריידין אזוי וויא דו רעדסט. ווער איך דיר שיקען אקוויטול דוא זאלכט קומען צו מיר האבען אדין תורה: האט רב יהודה ארויס גינומען פון בוזעם דעם קוויטול וואס רב נחמן האט צו אים געשיקט. אונ האט אים געוויזען. האט רב יהודה גזאגט צו רב נחמן דאס איז דער מענטש אונ דאס איז דער קוויטול. האט רב נחמן גזאגט צו רב יהודה ווייל דו ביסט שוין אהער גיקומען דערציילן מיר דיא זאך. מען זאל ניט זאגין דיא רבנן חנפן איינער דעם אנדערין. האט רב נחמן גזאגט צו רב יהודה פאר וואס האסטו מחרים גיוועזן דעם מענטש. האט רב יהודה גזאגט ווייל דער מענטש האט מצער גיוועזן דעם שליח פון די רבנן (מיין שליח). האט רב נחמן גזאגט צו רב יהודה האסטו אים גידארפט שלאגין מלקות. ווארום רב פלעגט שלאגין מלקות דעם מענטש וואס האט מצער גיוועזן דעם שליח פון דיא רבנן. האט רב יהודה גזאגט איך האב אים בעסער גיטאהן וויא מלקות שלאגין. איך האב גזאגט ער זאל זיין אין חרם: האט רב נחמן גזאגט צו רב יהודה פאר וואס האסטו אויס גערופין אויף אים אז ער איז אקנעכט. האט רב יהודה גזאגט ווייל ער איז גיוואהנט צו רופין מענטשין איר זענט קנעכט. אונ מיר האבען גילערנט דער וואס זאגט אויף אנדערע זייא זענען פסול. איז ער אליין פסול. אונ ער רעט קיין מאהל ניט קיין גוטס אויף דיא מענטשין פון דער וועלט: אונ שמואל האט גזאגט זיין פעלער זאגט ער אויף יענעם. אז ער זאגט אויף אנדערע מענטשין זייא זענען קנעכט. איז אסימן אז ער אליין איז אקנעכט. האט רב נחמן גזאגט שמואל זאגט נאר מען זאל מורא האבען טאמער איז ער אקנעכט. אבער מען זאל אויס רופין אויף אים אז ער איז געווים אקנעכט. דאס האט שמואל גאר ניט גזאגט. דער ווייל וויא רב נחמן מיט רב יהודה האבען גישמועסט. איז גיקומען דער מענטש פון נהרדעא. האט דער מענטש גזאגט צו רב יהודה מיך האסטו גערופין אז איך בין אקנעכט. איך קום ארויס פון דעם מלך חשמונאי (פון זיין פאמיליע). האט רב יהודה גזאגט אזוי האט שמואל גזאגט דער וואס זאגט איך בין גיבארין פון דיא פאמיליע פון דעם מלך השמונאי. זאל מען וויסען אז ער איז אקנעכט: ווארום הורדוס איז גיוועזן אקנעכט בייא די חשמונאים. אונ ער האט אויס גיהרגת אלע חשמונאים. ער האט איינעם ניט גילאזין.

קאתינא עבדא הוא א"ל לא סבר מר להא דא"ר אבא אמר רב הונא אמר רב כל ת"ח שמורה הלכה ובא ואמרה אם קודם מעשה אמרה שומעין לו ואם לאו אין שומעין לו א"ל הא איכא רב מתנה דקאי כוותי רב מתנה לא חזייה לנהרדעא תליסר שני ההוא יומא אתא א"ל דכיר מר מאי דאמר שמואל כי קאי חדא כרעא אגודא וחדא כרעא במברא א"ל הכי אמר שמואל כל דאמר מבית חשמונאי קאתינא עבדא הוא דלא אשתייר מינייהו אלא ההיא רביתא דסלקא לאיגרא ורמיא קלא ואמרה כל דאמר מבית חשמונאי אנא עבדא הוא נפלה מאיגרא ומתה אכרוז עליה דעבדא הוא ההוא יומא אקרען כמה כתובתא בנהרדעא כי קא נפיק נפקו אבתריה למרגמיה אמר להו אי שתיקו שתיקו ואי לא מגלינא עלייכו הא דא"ש תרתי זרעייתא איכא בנהרדעא חדא מיקרי דבי יונה וחדא מיקרי דבי עורבתא וסימניך טמא טמא טהור טהור שדיוה להחוא רינמא מידייהו וקם אטמא בנהר מלכא [מכריז רב יהודה בפומבדיתא אדא ויונתן עבדי

לעבדים והוו להו כולהו עבדים: אם קודם שבא מעשה לידו אמר. להאי במועה לתלמידיו בשם רבו נאמן לאומרה בשעת מעשה והם לאו איהו נאמן להעיד בשם רבו שמא מחמת מעשה שבא לידו הוא אמר כן: אגודא. שפת הנהר: אמברא. על הגשר א"נ בתוך הספינה לעבור הנהר: אקרען כמה כתובתא. מגלי אותה המשפחה: כי קא נפיק. רב יהודה למרגמיה. לפי שגילה את פסולם: זרעייתא. משפחות: וקם אטמא בנהר מלכא. באותן האבנים שהשליכום בנהר עמד מכשול סתימה במי הנהר ומנע את המים להלוך. אטמא סתימה כדמתרגמינן סתמום טמונון:

אונ ער איז געווארין אמלך. אונ ער האט גירופין זיין זוהן אויף דעם נאמען פון די חשמונאים, אונ אלע חשמונאים זענען פאלשע חשמונאים. זייא זענען קנעכט. זייא זענען גיבארין פון הורדוס. האט רב נחמן גזאגט צו רב יהודה האלטסטו דען ניט וואס רבי אבא האט גזאגט אז רב הונא האט גזאגט פון רבס וועגין דער תלמיד חכם וואס פסקנט אדין אונ קומט זאגין דעם דין אין בית המדרש. אויב ער האט גזאגט דעם דין איידער עס איז צו אים גיקומען די שאלה. מעג ער פסקנען דיא שאלה. אזוי וויא ער האט גילערנט דעם דין. אונ אויב ער האט דעם דין קיין מאהל ניט גזאגט. נאר איצט אז פאר אים איז גיקומען אשאלה. פסקנט ער דעם דין. נעמט מען ניט אן דעם דין. האט רב יהודה גזאגט רב מתנה זאגט אויך אזוי וויא איך. רב מתנה האט שוין דרייצעהן יאהר ניט גיזעהן נהרדעא. דעם טאג איז רב מתנה גיקומען אין נהרדעא. האט רב יהודה גזאגט צו רב מתנה דו גידיינקסט וואס שמואל האט גזאגט ווען ער איז גישטאנען מיט איין פוס אויף דעם ברעג טייך. אונ מיט דעם אנדערין פוס איז ער גישטאנען אויף דעם פראם. האט רב מתנה גזאגט אזוי האט שמואל גזאגט דער וואס וועט זאגין איך בין פון דיא משפחה פון חשמונאי. איז ער אקנעכט. ווארום פון דיא אמתה חשמונאים איז נישט מער געבליבען נאר איין מיידיל: אונ דיא מיידיל איז ארויף גיגאנגען אויף דעם דאך אונ האט געשריגען מיט אקול אונ האט גזאגט ווער עס וועט זאגין איך בין פון דיא חשמונאים. איז ער אקנעכט. אונ דיא מיידיל איז אראפ גיפאלין פון דאך אונ איז גישטארבין. האט מען אויס גערופין אויף דעם מענטש אז ער איז אקנעכט. דעם טאג האט מען צוריסען אין נהרדעא פיל כתובות. פון דיא ווייבער וואס האבען גיטאהן שדוכים מיט דיא פאמיליע חשמונאים. איצט אז עס איז דער וואסט גיווארין אז זייא זענען קנעכט. האט מען ניט גיוואלט דיא שדוכים. אז רב יהודה איז ארויס געגאנגען פון רב נחמן זענען דיא משפחה חשמונאים ארויס גיגאנגען מיט שטיינער אונ האבען גיוואלט הרגנען רב יהודהן. האט רב יהודה צו זייא גזאגט. אויב איר ווילט שווייגין שווייגט. אונ אויב איר וועט ניט שווייגין וועל איך אויף אייך אויס זאגין וואס שמואל האט גזאגט (צוויא משפחות איז דא אין נהרדעא. איינע רופט מען דבי יונה. אונ איינע רופט מען דבי עורבתא: אסימן איז: דיא משפחה וואס זענען טהור רופט מען זייא דבי יונה. ווייל אטויב איז טהור. אונ דיא משפחה וואס איז טמא רופט מען דבי עורבתא. ווייל אקראה איז טמא). (פון דעם ווארט צוויא. ביז דעם ווארט טמא. דאס האט רב יהודה ניט גזאגט. נאר דיא גמרא זאגט דאס). האבען זייא אוועק גיווארפין דיא שטיינער פון זייערע הענט אין דעם טייך וואס הייסט נהר מלכא. איז

עבדי יהודה בר פפא ממזרא בטי בר טוביה ברמות רוחא לא שקיל גיטא דחירותא] :

ה אמר רב יהודה אמר שמואל ד' מאות עבדים ואמרי לה ד' אלפים עבדים היו לו לפשחור בן אמר וכולם נטמעו בכהונה וכל כהן שיש בו עזות פנים אינו אלא מהם [אמר אביי כולהו יתבי בשורא דבנהרדעא] ופליגא דר' אלעזר דא"ר אלעזר אם ראית כהן בעזות מצח אל תהרהר אחריו שנאמר (הושע ד) ועמך כמריבי כהן א"ר אבין בר רב אדא אמר רב כל הנושא אשה שאינה הוגנת לו כשהקב"ה משרה שכינתו מעיד על כל השבטים ואין מעיד עליו שנאמר (תהלים קכב) ששם עלו שבטי יה עדות לישראל אימתי הוי עדות לישראל בזמן שהשבטים שבטי יה א"ר חמא בר חנינא כשהקב"ה משרה שכינתו אין משרה אלא על משפחות מיוחסות שבישראל שנאמר (ירמיה לא) בעת ההיא נאם ה' אה־ה להם לאלהים לכל משפחות בית ישראל לכל ישראל לא נאמר אלא לכל משפחות (והם יהיו לי לעם) :

(שם) **ו** [והמה יהיו לי לעם] אמר רבה בר רב הונא זו מעלה יתירה יש בין ישראל לגרים דאילו בישראל כתיב בהו (יחזקאל ז) והייתי להם לאלהים (והם) [והמה] יהיו לי לעם ואילו בגרים כתיב (ירמיה ל) מי הוא זה ערב את לבו לגשת אלי נאם

פשחור בן אמר. בימי ירמיה היה: נטמעו בכהונה. ולא נרסינן גדולה: נטמעו. נדמעו כלא בנות כהנים שהיו מחזיקים עליהן ככהנים מתוך שהיו אוכלין תרומה מחמת עבדי כהן: אל תהרהר אחריו. אחר משפחותם שהם בני מריבה כדכתיב כמריבי כהן: עדות לישראל. אותן שהם ישראל הוא מעיד עליהם שהם משלו: משפחות ישראל. משפחות שהם ישראל גמורים:

בישראל כתיב. והייתי להם לאלהים אע"פ שאינם לי

דער טייך פאר מאכט געווארין דורך דיא שטיינער. דיא וואסער האט ניט גיקענט גיין אזוי וויא פריער. רב יהודה האט אויס גערופין אין פומבדיתא אדא אונ יונתן זענען קנעכט. יהודה בר פפא איז א ממזר. בטי בר טוביה וייל ער איז ביא זיך גרויס גיוועין. האט ער ניט גיוואלט נעמען א געשריבענעם פאפיר אז ער איז פרייא:

ה אמר. רב יהודה האט גזאגט פון שמואלס וועגין פיר הונדערט קנעכט. אנדערע זאגין פיר טויזענד קנעכט. האט פשחור בן אמר גיהאט. אונ דיא אלע קנעכט זענען צו מישט גיווארין צווישען דיא כהנים: אונ יעדער כהן וואס איז א עזות פנים. איז ער נאר פון דיא קנעכט. אביי זאגט דיא אלע זיצען אין דיא מאהערין פון נהרדעא. אונ שמואל קריגט אויף רבי אלעזר. ווארום רבי אלעזר האט גזאגט אויב דוא זעהסט א כהן א עזות פנים זאלסטו ניט טראכטין טאמער איז ער פסול. ווארום עס שטייט אין פסוק דיין פאלק זענען קריגערס אזוי וויא דיא כהנים. זעהן מיר דער שטייגער איז כהנים קריגען איינער מיט דעם אנדערין. רבי אבין בר רב אדא האט גזאגט פון רבס וועגין דער וואס נעמט אזוי א ווייב וואס זיא פאסט ניט פאר אים. ווען גאט וועט מאכען רוהען זיין שכינה אויף דיא יודין. אויף אלע שבטים וועט ער עדות זאגין: אונ אויף דעם מענטש וועט ער ניט עדות זאגין. ווארום עס שטייט אין פסוק דארטין זענען אויף גיגאנגען דיא שבטים. שבטי יה עדות לישראל. ווען איז גאט א עדות אויף דיא יודין אז זייא זענען זיינע. ווען דיא שבטים זענען געטליכע מענטשין פרומע. רבי חמא בר חנינא זאגט ווען גאט וועט מאכען רו..ען דיא שכינה אויף יודין. וועט ער נאר מאכען רוהען דיא שכינה אויף דיא משפחות וואס זענען מיוחסים. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק גאט זאגט אין דיא צייט וועל איך זיין צוא זייא א גאט צוא אלע יודישע משפחות: עס שטייט ניט צו אלע יודין: נאר צו דיא יודישע משפחות. דאס מיינט מען דיא משפחה זאלין זיין פרומע יודין:

ו והמה. אונ זייא וועלין זיין צו מיר א פאלק. רבה בר רב הונא זאגט דיא מעלה איז דא ביא יודין מער וויא ביא גרים. ביא יודין שטייט איך וועל זיין צו זייא א גאט. פריער. דער נאך וועלין זייא זיין צו מיר א פאלק. אונ ביא גרים שטייט ווער איז דאס דער וואס ער דער וועקט זיין הארץ גיגענען צו מיר. זאגט גאט. פריער זאלט איר ווערין צו מיר א פאלק. דער

נאם ה' (והיו) [והייתם] לי לעם (ואני) [ואנכי] אהיה (להם) [לכם] לאלהים. אמר רבי חלבו קשים גרים לישראל כספחת שנאמר (ישעיה יד) ונלוה הגר עליהם ונספחו על בית יעקב כתיב הכא ונספחו וכתיב התם (ויקרא יד) לשאת ולספחת. א"ר חמא ברבי חנינא כשהקב"ה (דף עא) מטהר את השבטים שבטו של לוי מטהר תחלה שנאמר (מלאכי ג) וישב מצרף ומטהר כסף וטהר את בני לוי וזקק אותם כזהב [וככסף] והיו לה' מגישי מנחה בצדקה אמר ריב"ל כסף מטהר ממזרים שנא' וישב מצרף ומטהר כסף מאי מגישי מנחה בצדקה א"ר יצחק צדקה עשה הקב"ה עם ישראל שמשפחה שנטמעה נטמעה:

ז **אמר** רב יהודה אמר שמואל כל הארצות עיסה לארץ ישראל וארץ ישראל עיסה לבבל:

ח **אמר** רבה בר בר חנה אמר רבי יוחנן שם בן ארבע אותיות חכמים מוסרים אותו לתלמידיהם פעם אחת בשבוע ואמרי לה פעמים בשבוע אמר רב נחמן בר יצחק מסתברא כמ"ד פעם אחת בשבוע דכתיב (שמות ג) זה שמי לעולם לעלם כתיב רבא

נפש ומתוך שאני מקרבן פס יהיו לי לעם אבל גרים לא מקרבין אותן מן השמים אלא א"כ פס מקרבין עצמם שהלה לסיות טובים: קשים גרים. שאינם זהירים במצות והרגילים אותם נמשכים אחריהם ולומדים ממעשיהם: מטהר השבטים. מיחסם: כסף מטהר ממזרים. המוטמעים בישראל מהמת ממונם והוא גורם להם שיטהרו שלעתיד לבא אין הקב"ה מבדילם מאחר שנדבקו בהם משפחות ישראל הרבה: שנא' וישב מצרף ומטהר כסף. אותם שנטמעו מחמת ממון. וסיפיה דקרא והיו לה' מגישי מנחה בצדקה צדקה עשה הקב"ה הוא שאינו מבדילם אלא הואיל שנטמעו נטמעו וריב"ל סבירא ליה כאי מטהר נמי מבדיל פסולים קאמר אלא מטהרם ומכשירם כולם:

עיסה. כעיסה שהיא מעורבת (ר"ל שאינם מיוחסים באחרי התערבות כא"י) ומהם ר"ת מרומי שמעשי עיסה כפסולת שנגיס שנסתם משקם שלהם:

שם בן ד' אותיות קריאתו ככתיבתו ופירושו תכמי"ס

נאך וועל איך זיין צוא איך אגאט: רבי חלבו זאגט גרים זענען אזוי שלעכט צו יודין אזוי וויא קרעץ. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דער גר וועט בהעפט ווערין צו זייא. ונספחו על בית יעקב. דא שטייט ונספחו אונ דארט שטייט לשאת ולספחת. אזוי וויא ספחת מיינט מיט קרעץ. אזוי ונספחו איז אויך דער טייטש קרעץ. דיא גרים וואס זענען בהעפט צו דיא יודין זענען אויך בייא זייא אזוי וויא קרעץ. רבי חמא ברבי חנינא זאגט ווען גאט וועט ריינינגען דיא שבטים. ער וועט אויס קלויבין פון זייא דיא רשעים. דאס ערשטע וועט ער ריין מאכין דעם שבט לוי. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק גאט וועט צוריק קערין אונ וועט לייטערין אונ וועט ריין מאכין זילבער אונ וועט ריין מאכין דעם שבט לוי אונ וועט זייא קלאר מאכין וויא גאלד אונ וויא זילבער. אונ זייא וועלין זיין צו גאט צום גינענגען מנחות מיט גירעכטיגקייט. רבי יהושע בן לוי זאגט געלט מאכט ריין ממזרים. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק גאט וועט צוריק קערין אונ וועט לייטערין אונ וועט ריין מאכין זילבער. דאס מיינט מען דיא ממזרים וואס זענען צו מישט גיווארין צווישען יודין דורך זייער געלט. וועט גאט זייא אלע ריין מאכין. וואס מיינט מען זייא וועלין גינענגען מנחות מיט צדקה. רבי יצחק זאגט גאט האט גיטאהן צדקה מיט דיא יודין דיא פסולה משפחות וואס זענען צו מישט גיווארין צווישען יודין. בלייבין שוין צווישען יודין אזוי וויא אלע כשרה יודין. אונ דיא לוים פון זייא וועלין אויך גינענגען מנחות:

ז אמר. רב יהודה האט גזאגט פון שמואלס וועגין אלע לענדער זענען אזוי וויא טייג געגין ארץ ישראל. אונ ארץ ישראל איז וויא טייג געגין בבל. אזוי וויא אטייג איז צו מישט פון פיל זאכין. אזוי זענען אלע לענדער צו מישט. פסולה מענטשין אונ כשרה. אבער ארץ ישראל איז געגין זייא ריין מיט כשרה מענטשין. אונ בבל איז נאך ריינער וויא ארץ ישראל ארץ ישראל ווערט גירופין אטייג. צו מישט כשרה יודין מיט פסולה. געגין בבל:

ח אמר. רבה בר בר חנה האט גזאגט פון רבי יוחנן וועגין דעם שם פון פיר אותיות קענין דיא חכמים זאגין צוא זייערע תלמידים וויא מען זאל אים לייענען. אונ דעם פירוש פון אים. איין מאהל אין דער וואך. אנדערע זאגין צוויא מאהל אין דער וואך. רב נחמן בר יצחק זאגט מיר געפעלט וויא דער וואס זאגט נאר איין מאהל אין דער וואך. ווארום עס שטייט אין

רבא סבר למדרשיה בפרקא א"ל ההוא סבא לעלם כתיב ר' אבינא רמי כתיב זה שמי וכתיב זה זכרי אמר הקב"ה לא כשאני נכתב אני נקרא נכתב אני ביו"ד ה"א ונקרא באל"ף דל"ת . ת"ר בראשונה שם בן שתים עשרה אותיות היו מוסרים אותו לכל אדם משרבו הפריצים היו מוסרים אותו לצנועים שבכהונה והצנועים שבכהונה מבליעים אותו בנעימות אחיהם הכהנים תניא א"ר טרפון פעם אחת עליתי אחר אחי אמי לדוכן והטיתי אזני אצל כ"ג ושמעתי שהבליע שם בנעימות אחיו הכהנים א"ר יהודה א"ר שם בן מ"ב אותיות אין מוסרים אותו אלא למי שצנוע ועניו ועומד בחצי ימיו ואינו כועס ואינו משכר ואינו מעמיד על מדותיו וכל היודעו והזהיר בו והמשמרו בטהרה אהוב למעלה ונחמד למטה ואימתו מוטלת על הבריות ונוחל שתי עולמים העה"ז והעה"ב :

מוסרים אותו וכו': לעלם. לעולם: כתיב זה שמי וכתיב זה זכרי. מדלא כתיב שמי וזכרי משמע שלמדנו ב' שמות ואמר לו זה שמי מיוחד וזה השני אני נכר: שם בן י"ב. וכן מ"ב לא פירשו לנו: משרבו הפריצים. המשתמשין בו: לצנועים שבכהונה. נבדק בו פעם במקדש לאחר עבודת נסוך של תמיד של שחר: מבליעין אותו בנעימות אחיהם הכהנים. אותם שלא היו בקיאין בו ומברכין בשם בן ד' אותיות כשהיו מושכין את קולם בנעימה היו אלו ממהרין להבליע את השם בן י"ב ולא היה נשמע לרביה מקול נעימות חביריהן בנעימת ניסוס קול שקורין טרונפ"י: אחר אחי אמי. שהיה (לוי במסכת מדות) [כהן] ור' טרפון היה כהן בתוספתא דכתובות מעשה ברבי טרפון שקדש ש' נשים בשני בצורת כדי להאכילן תרומה: לדוכן (שאומרים לוים השיר אחר עבודה בשעת ניסוך היין וכ"ג היה מברך בנשיאות כפים שעבד אותו היום ור' טרפון עלה אחר כוי הוא לבכות בחליל ואחר כלי שיר שהכל כשרים בהם כדאמרינן בערכין או שהיה קטן ומריען בקול עם אחיו צוערי הלוים כדאמרינן בערכין) [לדוכן ברכת כהנים]: ואינו מעמיד על על מדותיו. נגמר איבה שמא יתחמם בו לנקום:

זעירא

פָּסוּק זֶה שְׁמִי לְעוֹלָם . דֶער לְעוֹלָם שְׁטֵייט אָן אַוָּא"ו . לֵייעֶנְט מֶען לַעֲלָם . צוּ פַארְהוילִין ; עֶס זָאל קֵיינֶער נִיט ווִיסֶען . רָבָא הָאט גֶעוָואלְט דַרְשְׁנֶען אִין אַדְרָשָׁה דֶעם פֵּירוּשׁ פוּן דֶעם שֵׁם הוי"ה . הָאט אַאַלְטֶער מַאן גֶעזָאגְט צוּ רָבָא עֶס שְׁטֵייט לַעֲלָם . מֶען דַארְף פַאר הוילִין . רַבִּי אַבִינָא הָאט גִיפְרֶעגְט עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק זֶה שְׁמִי וְזֶה זִכְרִי דָאס אִיז מַיין נָאמֶען אוּנ דָאס אִיז מַיין דֶערְמָאנוּנְג . אוּנ עֶס שְׁטֵייט נִיט זֶה שְׁמִי וְזִכְרִי . דָאס אִיז מַיין נָאמֶען אוּנ מַיין דֶערְמַאנוּנְג . נָאר גָאט הָאט אִים גֶעזָאגְט צְוֵייא נֶעמֶען . נִיט ווִיא אִיךְ ווֶער גֶעשְׁרִיבֶּען ווֶער אִיךְ גִילֵייעֶנְט . אִיךְ ווֶער גֶעשְׁרִיבֶּען י ה ו ה אוּנ ווֶער גִילֵייעֶנְט אדני אֵיין נָאמֶען הָאבּ אִיךְ צוּם שְׁרֵייבִּין . אוּנ אֵיין נָאמֶען הָאבּ אִיךְ צוּם דֶערְמָאנְט ווֶערִין ; דִיא רַבָּנָן הָאבֶּען גִילֶערוּנְט אִין אָנְהֵייבּ פְלֶעגְט מֶען לֶערְנֶען דֶעם שֵׁם פוּן צְווֶעלְף אוֹתִיּוֹת צוּ אַלֶע מֶענְטְשִׁין . ווִיא עֶס זֶענֶען גִימֶערְט גִיוָוארִין רְשָׁעִים . הָאט מֶען דעם שֵׁם נָאר גִילֶערוּנְט צוּא דִיא פְרוּמֶע כֹּהֲנִים . אַז זֵייא פְלֶעגִין דוּכֶנֶען פְלֶעגִין זֵייא זָאגִין דֶעם שֵׁם פוּן צְווֶעלְף אוֹתִיּוֹת . אוּנ דִיא פְרוּמֶע כֹּהֲנִים אַז זֵייא הָאבֶּען ג דוּכֶנְת מִיט נָאךְ כֹּהֲנִים צוּא זַאכֶען . וָואס זֵייא הָאבֶּען נִיט גִיוָואסְט פוּן דֶעם שֵׁם פוּן צְווֶעלְף אוֹתִיּוֹת . אוּנ זֵייא פְלֶעגִין נָאר זָאגִין דֶעם שֵׁם פוּן פִיר אוֹתִיּוֹת . ווֶען זֵייא פְלֶעגִין זִינְגֶען דֶעם שֵׁם פוּן פִיר אוֹתִיּוֹת . פְלֶעגִין דֶער ווייל זָאגִין אוֹיף גֶעשְׁווִינְד דִיא פְרוּמֶע דֶעם שֵׁם פוּן צְווֶעלְף אוֹתִיּוֹת . אוּנ פְלֶעגִין אִים אֵיין שְׁלִינְגֶען יֶענֶע כֹּהֲנִים זָאלִין נִיט הֶערִין . מִיר הָאבֶּען גִילֶערוּנְט רַבִּי טַרְפוֹן הָאט גֶעזָאגְט אַמָאהל בִּין אִיךְ אַרוֹיף גִיגַאנְגֶען נָאךְ מַיין מוּטֶערְס בְּרוּדֶער אוֹיף דִיא בְּרֶעט ווָא דִיא כֹּהֲנִים שְׁטֵייעֶן . הָאבּ אִיךְ אַיין גִיבּוֹיגִין דֶעם אוֹיעֶר נֶעבִּין כֹּהֵן גָּדוֹל אוּנ אִיךְ הָאבּ גִיהֶערְט ווִיא עֶר הָאט אֵיין גִישְׁלוּנְגֶען דֶעם שֵׁם הַמְפוֹרָשׁ ווֶען זַיינֶע בְּרִידֶער דִיא כֹּהֲנִים הָאבֶּען גִיזוּנְגֶען . רַב יְהוּדָה הָאט גֶעזָאגְט פוּן רַבְּ ווֶעגִין דֶעם שֵׁם פוּן צְווֵייא אוּנ פֶערְצִיג אוֹתִיּוֹת זָאגְט מֶען נִיט צוּא קֵיינֶעם . נָאר צוּ דֶעם וָואס בֶּעהַאלְט זַיינֶע גוּטֶע מַעֲשִׂים . אוּנ אִיז נִידֶערִיג בַּייא זִיךְ . אוּנ עֶר הָאט שׁוֹין אָפּ גִיגֶעבְּט הֶעלְפְט יָאהְרִין . אוּנ עֶר אִיז נִיט קֵיין כַּעֲסָן . אוּנ עֶר אִיז נִיט קֵיין שִׁכּוֹר . אוּנ אַז אֵיינֶער דֶערְצֶערִינְט אִים אִיז עֶר מוֹחֵל . אוּנ דֶער וָואס ווֵייסְט דֶעם שֵׁם פוּן צְווֵייא אוּנ פֶערְצִיג אוֹתִיּוֹת . אוּנ עֶר אִיז אָפּ גֶעהִיט מִיט אִים . אוּנ עֶר הִיט צוּ לֵיידִין דֶעם שֵׁם נָאר ווֶען עֶר אִיז טָהוֹר ; אִיז עֶר גֶעלִיבְּט בַּייא גָאט . אוּנ עֶר אִיז גֶלוּסְטִיג בַּייא מֶענְטְשִׁין ; אוּנ אַלֶע בַּשֶׁעפֶענִישׁ הָאבֶּען מוֹרָא פַאר אִים . אוּנ עֶר יַרְשֶׁנְט בֵּיידֶע ווֶעלְטִין דִיא ווֶעלְט אוּנ יֶענֶע ווֶעלְט :

(ע"ב) **ט זעירא** הוה קא משתמיט מיניה דר' יוחנן דהוה אמר ליה נסיב ברתי יומא חד הוו קאזלו באורחא מטו לעורקמא דמיא ארכביה לר' יוחנן אכתפיה וקא מעבר ליה א"ל אורייתין כשרן בנתין לא כשרן מאי דעתיך אילימא מדתנן עשרה יוחסין עלו מבבל [וגו] אטו כהני לויי וישראלי כולהו סליקו כי היכי דאשתייר מהני אשתייר נמי מהני אשתמיטתיה הא דא"ר אלעזר לא עלה עזרא מבבל עד שעשאת כסולת נקיה ועלה . עולא איקלע לפומבדיתא לבי רב יהודה חזייה לרב יצחק בריה דגדל ולא נסיב אמר מ"ט לא קמנסיב ליה מר אתתא לבריה א"ל מי ידענא מהיכא אנסביה א"ל אטו אנן מי ידעינן מהיכא קאתינן דלמא מהנך דכתיב (איכה ה) נשים בציון ענו בתולות בערי יהודה וכ"ת נכרי ועבד הבא על בת ישראל הולד כשר ודלמא מהנך דכתיב (עמוס ו) השוכבים על מטות שן וסרוחים על ערסותם וא"ר יוסי בר חנינא אלו בני אדם המשתינים מים בפני מטותיהם ערומים ומגדף בה רבי אבהו אלא מעתה א"ה חיינו דכתיב (שם) לכן עתה יגלו בראש גולים משום דמשתינים מים בפני מטותיהם ערומים יגלו בראש גולים אלא א"ר אבהו אלו בני אדם שאוכלים ושותים זה עם זה ומדבקין מטותיהם

דהוה א"ל ר' יוחנן נסיב ברתאי . ולא היה חפץ בה מפני שהוא מא"י והוא היה מבבל : אורייתין כשרן בנתין לא כשרן . תלמידי אתה ותורתי כשרה לך ובתי אינך הגון : מאי דעתך . שאתה מחזיק בבל במיוחסים דתנן עשרה יוחסין וכו' וסבור אתה שעלו כל הפסולים : מהיכא

ט זעירא פלעגט זיך בעהאלטין פון רבי יוחנן ער זאל אים ניט זעהן . וואָרום רבי יוחנן האט געזאגט צוא זעירא נעם מיין טאכטער פאר אווייב . אונ זעירא האט ניט געוואלט חתונה האבען מיט איר ; ווייל ער איז געוועזען פון בבל אונ רבי יוחנן איז געוועזען פון ארץ ישראל . אמאהל איז גיגאנגען זעירא אין וועג מיט רבי יוחנן ; ווענען זייא געקומען צו אשטראָם וואסער . האט זעירא גינומען רבי יוחנן אויף זיין אקסיל אונ האט אים אריבער גיטראגין דעם וואסער . האט רבי יוחנן געזאגט צוא זעירא מיין תורה איז בייא דיר כשר . אונ מיין טאכטער איז ביי דיר ניט כשר . וואס איז דיין מיינונג זאלין מיר זאגין ווייל מיר האבען גילערנט צעהן ערלייי מיוחסים זענען אויף גיגאנגען פון בבל אין ארץ ישראל . איז דאך דא אין בבל מיוחסים . זענען דען אלע כהנים אונ אלע לויים אונ אלע ישראלים אויף גיגאנגען פון בבל אין ארץ ישראל . אזוי וויא עס איז געבליבען אין בבל פון דיא מיוחסים . אזוי איז געבליבען פון דיא ניט מיוחסים אויך . ענפערט דיא גמרא רבי יוחנן האט פאר געסין וואס רבי אלעזר האט געזאגט אז עזרא איז ניט אויף גיגאנגען פון בבל ביז ער האט איר געמאכט ריין אזוי ווי ריינע מעהל . זענען אלע מענטשין פון בבל נאר מיוחסים . עולא איז אמאהל גיקומען אין פומבדיתא צוא רב יהודה . האט עולא גיזעהן אז רב יצחק דער זוהן פון רב יהודה איז שוין גרויס אונ האט נאך ניט חתונה גיהאט . האט עולא געזאגט צוא רב יהודה פאר וואס מאכסטו ניט חתונה דיין זוהן . האט רב יהודה געזאגט וויים איך דען פון וואנו איך זאל נעמען פאר אים אווייב . וויים איך דען וועלכע אשה איז אמיוחסת . האט עולא געזאגט אונ מיר ווייסען דען פון וועמען מיר זענען גיבאָרין . טאמער זענען מיר פון דיא ווייבער וואס מען האט מיט זייא מזנה געוועזען . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק מען האט געפיינינגט ווייבער אין ציון . בתולות האט מען געפיינינגט אין דיא שטעט פון יהודה . וועסטו וועלין זאגין אז אגוי אדער אגויישער קנעכט איז מזנה מיט אידישע טאכטער . דאס קינד וואס זי האט פון אים איז כשר . טאמער זענען מיר אבער פון דיא וואס דער פסוק זאגט אויף זייא . זיי ליגען אויף בעטין פון עלפאנד ביין . אונ זייא שטינקען אויף זייערע בעטין . האט רבי יוסי בר חנינא געזאגט דאס זענען דיא מענטשין וואס שטייען נאקעט פאר דיא בעט אונ זענען משתין . האט רבי אבהו גילאכט פון רבי יוסי אונ האט געזאגט אויב אזוי פאר וואס שטייט אין פסוק זייא וועלין גיין אין גלות דיא ערשטע . ווייל זייא שטייען נאקעט פאר דיא בעט אונ זענין משתין . דריבער קומט זייא זאלין גיין אין גלות דיא ערשטע . האט רבי אבהו געזאגט אזוי מיינט דער

מטותיהם זה בזה ומחליפים נשותיהם זה לזה ומכריחים ערסותם בשכבת זרע שאינה שלהם אמר ליה היכי נעביד א"ל זיל בתר שתיקותא כי הא דבדקי בני מערבא כי מינצו בי תרי בהדי הדדי חזו הי מינייהו דקדים ושתיק אמרי האי מיוחס טפי אמר רב שתיקותא דבבל היינו יחוסא איני והא איקלע רב לבי בר שפי חלא ובדק בהו (היכי בדק) [מאי] לאו ליוחסים לא אי שתקי אי לא שתקי אמר רב יהודה אמר רב אם ראית שני בני אדם שמתגרים זה בזה [שמץ] פסול יש באחד מהם ואין מניחים אותם לדבק אחד בחברו אריב"ל אם ראית שתי משפחות מתגרות זו בזו שמץ פסול יש באחת מהם מניחים אותה לדבק בחברתה:

(דף פ"ב) (דניאל ז) ותלת עלעין בפומה בין שיניה אמר רבי יוחנן זו חליזון והדייב ונציבין שפעמים בולעתן ופעמים פולטתן (שם) וארו חיוה אחרי תנינה דמיה לדוב תני רב יוסף אלו פרסיים שאוכלים ושותים כדוב ומסורבלים כדוב ומגדלים שער כדוב ואין להם מנוחה כדוב רבי אמי כי הוה חזי פרסי

נכיבמא . אי זו אשה מיוחסת : ז"ל בתר שתיקותא . שאלך משפחה שתקנית שפתם בני מריבה שב פסולין שמהוך פסולן שהיו פורצין מהם נפרו איכם והחזיקו במריבה ומיוחסת דבבל היינו שתיקותא מתוך שהם שתקנים הוחזקו במיוחסין א"כ הכא לבדוק בבבל אינו בודק אלא בשתקנים : לבי בר שפי חלא . שם האיש שפי חלא : ופה הומץ כמו השופה יין לתמריסו ואין מניחין אותו . מן השמים לידבק בחברו גם הטילו מן השמים מריבה ביניהם :

ותלת עילעין בפומה . בחיה (כרלשונו) [השניה] במראה דניאל כתיב ושא בבל : בפומה בין שיניה . בפומה משמע מבפנים בין שיניה משמע שפולטת מבחוץ : (זו חליזון והדייב ונציבין . שם בגמרא מפורש מקומות הם שנהם שהחריב עשרה השבטים דכך שם) : בולעתן . מושלת עליהם : ומסורבלין כדוב בעלי . בשר לשון עובי ושומן של וכעלמא נמי המריק קטן מסורבל בבשר שמלובש בבשר כסרבל : דוב אין לו מנוחה. כבסות קשור כולך וכא

פסוק דיא מענטשין וואס עס ן ו טרינקען צוא זאמען . אונ זייא שטעלין זייערע בעטין איינע געגין דיא אנדערע . אונ זייא טאהשין דיא ווייבער איינער מיט דעם אנדערין . ער גייט אין אפרעמדין בעט צוא זיין חברס ווייב . אונ דער חבר גייט אין אפרעמדע בעט צוא זיין ווייב . אונ זייא פאר שטינקען זייערע בעטין מיט פרעמדע זרע . האט רב יהודה גזאגט וויא זאלין מיר טאהן . האט עולא גזאגט מיר בדארפין גיין נאך דעם שווייגין . אז דוא וועסט געפינען אמשפחה וואס שווייגין . זאלסטו וויסען אז זייא זענין מיוחסים . אזוי וויא מען זוכט אין ארץ ישראל . אז מען זעהט אין ארץ ישראל צוויי מענטשין קריגען . זעהט מען ווער עס פאר שווייגט פריער . זאגט מען אז דער איז אמיוחס . רב זאגט דאס שווייגונג פון בבל ווייל דיא מענטשין פון בבל שווייגין . דאס איז אסימן אויף זייער יחוס . פרעגט דיא גמרא עס איז דאך ניט אזוי . ווארום רב איז אמאהל געקומען צוא בר שפי חלא . אונ ער האט נאך גיפרעגט אויף זייא . געוויס מייל ער האט געוואלט וויסען אויב זייא זענען יחסנים . ענטפערט דיא גמרא ניין . ער האט גאר געוואלט וויסען אויב זייא שווייגין . אדער ניין . רב יהודה האט גזאגט פון רבס וועגין אז דוא זעהסט צווייא מענטשין קריגען איינער מיט דעם אנדערין . זאלסטו וויסען אז איינער איז כשר אונ איינער איז פסול . אונ ווייל גאט וויל ניט דיא ביידע מענטשין זאלין זיין חבר איינער מיט דעם אנדערין . דריבער האט ער גימאכט אקריג צווישען זייא . רבי יהושע בן לוי זאגט אז דוא האסט געזעהן צווייא משפחות קריגען איינע מיט דיא אנדערע . זאלסטו וויסען אז איין משפחה איז אכשרה אונ איינע איז אפסולה . אונ ווייל גאט וויל ניט די ביידע משפחות זאלין זיין בהעפט איינע מיט דיא אנדערע . דריבער האט ער גימאכט אקריג צווישען זייא :

י ותלת . אונ דרייא ביינער איז גיוועזן בייא דיא חיה אין מויל צווישען אירע ציינער דיא חיה מיינט מען בבל וואס מיינט מען דריי ביינער . רבי יוחנן זאגט דאס איז חליזון אונ הדייב אונ נציבין . אזעלכע דריי שטעט . אמאהל האט בבל דיא דרייא שטעט איין גישלונגען . זיא האט גיוועלטיגט אויף זייא . אונ אמאהל האט בבל זייא אויס געשפיגען . אין אנדער מלך האט זיי אוועק גנומן פון בבל . אין פסוק שטייט נאך איר איז גוועזן אאנדער חיה . גליך צו אבער . רב יוסף האט גילערונט דאס מיינט מען דיא פרסיים . זייא עסין אונ טרינקען וויא אבער . אונ זייא לאזין וואקסען גרויסע האר וויא אבער . אונ זייא האבען ניט קיין רוה אזוי וויא אבער . רבי

דרכיב אמר היינו דובא ניידא א"ל רבי ללוי הראיני פרסיים א"ל דומים לחיילות של בית דוד הראיני חברים אמר ליה דומים למלאכי חבלה הראיני ישמעאלים א"ל דומים לשעירים של בית הכסא הראיני תלמידי חכמים שבבבל א"ל דומים למלאכי השרת:

יא כי הוה ניחא נפשיה דרבי אמר הומניא איכא בבבל כולה דעמונאי היא. מסגריא איכא בבבל כולה דממזראי היא. בירקא איכא בבבל שני אחים יש שם שמחליפים נשותיהם זה לזה. בירתא דסטיא איכא בבבל היום סרו מאחרי דאקפי פירא דבוורי ואזלו וצדו בהו בשבתא שמתינהו ר' אחי בר יאשיה ואשתמוד. אקרא דאגמא איכא בבבל אדא בר אהבה יש בה (פ"ג) היום יושב בחיקו של אברהם. היום נולד רב יהודה בבבל דאמר מר כשמת ר"ע נולד רבי. כשמת רבי נולד רב יהודה כשמת רב יהודה נולד רבא. כשמת רבא נולד רב אשי ל מדך שאין צדיק נפטר מן העולם עד שנברא צדיק כמותו שנאמר (קהלת א) וזרח השמש

פירוש

המיד הביבותיו: **דובא ניידא.** דוב הלך: **הראיני פרסיים.** בעל מלבות ודומיות היה לוי וקאמר ליה רבי משול לי פרסיים למה הן דומין: **כחיילות של בית דוד. גבורים**: **חברים.** אומה המוכה לפרסיים ומבחיתים הם וערפנים הם יותר מפרסיים: **לשעירים.** מלובשים שחורים ודומים לשדים: **דומין למה"ש.** לבושים ועטופים לבנים (לבנים) כמלאכי השרת דכתיב והאיש לבוש הבדים והכי נמי אמרינן בפרק ב"מ על רבי יהודה שהיה מתעטף [ויושב] בסדינין המצויינין [המצויירין] ודומה למלאך וכו' ובנדרים נמי אמרינן מאן מלאכי השרת רבנן ואמאי קרי להו מלאכי השרת משום דמצויינין כמלאכי השרת במלבושיהם לבנים:

כי הוה ניחא נפשיה. מרקא נבואה בפיו: **הומניא.** עיר ששמה כך: **מסגריא.** עיר היא וכל הנך כלהו מקומות ניהו: **בירתא דסטיא.** על שם שסרו מאחרי המקום ופירש רבי היום סרו: **דאקפי פירא דבוורי** [ואזלו וצדו בשבתא. הקיף הביבר דגים ברכה והלכו וצדו]: **דאקפי.** הקיף כדמתרגמינן ויצף ברזל וקפא פרזלא: **פירא.** בריכה שעשויה לקבל דגים ובלע"ז ביבר: **ואישתמוד.** נשתמדו: **היום יושב בחיקו של אברהם.** י"א מת היום וא"כ אין זה רב אדא שבתלמוד ונראה דהאי יושב בחיקו של אברהם אבינו שנכנס לברית מילה והוא רב אדא בר אהבה שהאריך ימים הרבה משמת רבי עד דורות אחרונים בימי רב נחמן בר יצחק כדאמרי' בב"ב:

אמי אז ער האט געזעהן אפערקאנער רייט אויף אפערד. האט ער געזאגט דאס איז דער בער וואס איז פאר וואגילט רבי האט געזאגט צוא לוי וויז מיר אגלייכען צוא די פרסיים, צו וועמען זענען די פרסיים גלייך. האט ער געזאגט זייא זענען גלייך צום חיל פון דוד המלך; זיי זענען אזוי שטארק וויא דער חיל פון דוד המלך. נאך האט רבי געזאגט צו לוי וויז מיר די פאלק וואס מען רופט זייא חברים. האט לוי געזאגט זייא זענען גלייך צוא מלאכי חבלה. נאך האט רבי געזאגט צוא לוי וויז מיר די טערקין. האט לוי געזאגט זייא זענען גלייך צוא די שדים פון בית הכסא ווייל זייא גייען אין שווארצע קליידער. נאך הט רבי געזאגט צוא לוי וויז מיר די תלמידי חכמים וואס זענען אין בבל. האט לוי געזאגט זייא זענען גלייך צוא מלאכים. ווייל זייא גייען אין ווייסע קליידער:

יא כי. איידער רבי איז געשטארבין האט ער געזאגט אשטאט הומניא איז דא אין בבל. אלע מענטשין וואס וואוגען אין איר זענען עמונים. אשטאט מסגריא איז דא אין בבל וואס אלע זענען ממזרים. אשטאט בירקא איז דא אין בבל דארט וואוהנען צוויי ברידער וואס טאהשין זייערע ווייבער. דער וואונט מיט דעמס ווייב און דער וואונט מיט דעמס ווייב. אין בבל איז דא א ארט וואס ער הייסט בירתא דסטיא ווייל זייא האבען היינט אפ געקערט פון גאט. עס איז דארט געוועזן אסאזעווקע. האט דער וואסער ארייין גיפלייצט אין דער סאזעווקע זייער פיל פיש. זענען גיגאנגען די מענטשין פון דער שטאט און האבען גיפאנגען די פיש אום שבת. הט רבי אחי בר יאשיה געזאגט זייא זאלין זיין אין חרם. האבען זייא זיך געשמדת. אין בבל איז דא אשטאט וואס זיא הייסט אקרא דאגמא. דארט וואוהנט אדא בר אהבה: היינט זיצט ער אין די שויס פון אברהם אבינו. מען האט אים מל געוועזן. היינט איז געבארין געווארין רב יהודה אין בבל. וואורום דער תנא האט געזאגט ווען רבי עקיבא איז געשטארבין. איז געבארין געווארין רבי. ווען רבי איז געשטארבין. איז געבארין געווארין רב יהודה. ווען רב יהודה איז געשטארבין. איז געבארין געווארין רבא ווען רבא איז געשטארבין. איז געבארין געווארין רב אשי. דער תנא לערנט אונז אז אצדיק גייט ניט אוועק פון דער וועלט. ביז עס ווערט בשאפען איין אנדער צדיק אזוי וויא ער איז געוועזן. אזוי וו א עס שטייט אין פסוק דיא זוהן וועט שיינען און דיא זוהן

השמש ובא השמש עד שלא כבתה שמשו של עלי זרחה שמשו של שמואל הרמתי שנאמר (ש"א ג) ונר אלהים ט־ם יכבה ושמואל שוכב וגו':

פתח בנגיפה. כי יגוף שור איש את שור רעהו: וסיים בנגיחה או מדע כי שור נגח הוא ולא כתיב כי שור נגף הוא אלא שור נגח: לומר לך. דהך נגיפה לאו דחיפה הגוף אלא נגיחת קרן וליכא למימר דהכתי נגיפה הוי [אב] ונגיחה זוהי נגיפה דהיינו דחיפת הגוף דהא נגיחה אשכחן דבקרן היא: גבי אדם. כשהשור נגח אדם כתיב כי יגח שור את איש וגבי נגיחת שור בשור כתיב כי יגוף שור איש את שור רעהו: אדם דאית ליה מזלא. שיש לו דעת לשמור את גופו: כתיב כי יגח. דודאי נתכוון השור להרע ובא עליו בכח אבל נגיפה הוי משמע במאלו עומד ודהפו בקרניו ל"ג אית ליה מזלא ואימו מה לאמיתו בנגיפה דהוא (נגיפה) [דחיפה] קרן מטעו אלא בנגיחה בכח ובכוונה ובתחיבת קרן כנוף: אמר

א תָּנוּ רַבָּנָן. דיא רַבָּנָן האָבּען גילערנט עס שטייט אין פָּסוּק כִּי יִגַּח; אז ער וועט שטויסן. וואו עס שטייט דער וואָרט יִגַּח מיינט מען ער וועט שטויסן מיט דיא הערנער. אזוי וויא עס שטייט אין פָּסוּק צִדְקִיָּה בֶּן כְּנַעֲנָה האָט גימאכט אייזערנע הערנער און ער האָט גיזאגט אזוי האָט גאט גיזאָגט בְּאֵלֶּה תְּנַגַּח אֶת אֲרָם. מיט דיא הערנער וועסטו שטויסן דיא מענטשין פון אֲרָם. נאָך שטייט אין פָּסוּק בְּכוֹר שׁוֹרוֹ הָדָר לוֹ וְקַרְנֵי רְאֵם קַרְנָיו. זיינע הערנער זיינען אזוי וויא דיא הערנער פון אַוויזיל. בָּהֶם עַמִּים יְנַגַּח. מיט זייא וועט ער שטויסן די פעלקער. פרעגט דיא גְּמָרָא צו וואס ברייגגט מען דעם אַנדערין פָּסוּק. נאר טאמער וועסטו זאגן אז תּוֹרָה פון נביאים לערנען מיר ניט אָפּ דער פָּסוּק כִּי יִגַּח שטייט אין דיא תּוֹרָה. און דער פָּסוּק קַרְנֵי בַרְזֶל שטייט אין נְבִיאִים. דריבער ברייגגט דיא גְּמָרָא דעם אַנדערין פָּסוּק בְּכוֹר שׁוֹרוֹ הָדָר לוֹ וואס ער שטייט אין דיא תּוֹרָה:

ב תּוֹלָדָה. וועלכער שאדין איז גלייך צוא דעם שאדין וואס דער אָקס טוהט מיט דיא הערנער. דאס איז נְגִיפָה. אז דער אָקס טוהט אשטויס מיט זיין גוף. פרעגט דיא גְּמָרָא פאר וואס נְגִיחָה אז דער אָקס שטויסט מיט זיינע הערנער רופט מען דאס אָב אפאטער. ווייל עס שטייט אין דיא תּוֹרָה כִּי יִגַּח. אז דער אָקס וועט שטויסן מיט דיא הערנער. נְגִיפָה אז דער אָקס שטויסט מיט זיין גוף שטייט דאך אויך אין דיא תּוֹרָה כִּי יִגּוֹף. ענטפערט דיא גְּמָרָא דער וואָרט כִּי יִגּוֹף מיינט מען ניט ער וועט שטויסן מיט דעם גוף. נאר מען מיינט דאס זעלביגע וואס כִּי יִגַּח. אז ער וועט שטויסן מיט דיא הערנער; ווארום מיר האָבען גילערנט דער פָּסוּק הייבט אָן מיט נְגִיפָה כִּי יִגּוֹף. און ער לאָזט אויס מיט נְגִיחָה. שׁוֹר נַגָּח; צו זאגין דיר אז נְגִיחָה מיט נְגִיפָה איז איינס. אזוי וויא נַגָּח מיינט מען ער האָט גישטויסן מיט דיא הערנער. אזוי כִּי יִגּוֹף מיינט מען אויך ער וועט שטויסן מיט דיא הערנער; פרעגט דיא גְּמָרָא פאר וואס אז אאָקס שטויסט אמענטשין רופט מען דאס נְגִיחָה. און אז אאָקס שטויסט אבְּהֵמָה רופט מען דאס נְגִיפָה. ענטפערט דיא גְּמָרָא ווייל אמענטש האָט אמזל דריבער ניט אזוי גרינג און ניט אזוי געשווינד קען אאָקס הרגען אמענטשין. דריבער שטייט כִּי יִגַּח. דער אָקס האָט גישטויסן דעם מענטש מיט זיין גאנצין כֹּחַ ביז ער האָט אים גיקענט הרגען. אָבער אבְּהֵמָה האָט דאך ניט קיין מזל. דריבער שטייט כִּי יִגּוֹף. ווייל איין בְּהֵמָה הרגת דיא אנדערע בְּהֵמָה גאנץ גרינג נאר מיט איין שטויס:

ג אַרְבָּעָה. פיר ערליי שאדינס שטייט אין דיא תּוֹרָה. איינס אז אאָקס טוהט אשאדין

אמר מבעה זה אדם ושמואל אמר מבעה זה השן רב אמר מבעה זה אדם דכתיב (ישעיה כא) אמר שומר אתא בקר וגם לילה אם תבעיון בעיו ושמואל אמר מבעה זה השן דכתיב (עובדיה א) איך נחפשו עשו נבעו מצפוניו מאי משמע כדמתרגם רב יוסף איבדין איתבליש עשו אתגליין כמטמרוהי:

(דף ט ע"ב) ד א"ר אסי א"ר זירא א"ר הונא במצוה עד שליש מאי שליש אילימא שליש ביתו אלא מעתה אי אתרמי ליה תלתא מצותא ליתיב לכוליה ביתיה אלא א"ר זירא בהידור מצוה עד שליש במצוה. בעי רב אשי שליש מלגיו או שליש מלבר

אמר שומר. הקב"ה: אתא בוקר. גאולה לצדיקים: וגם לילה. חושך לרשעים: אם תבעיון. אם תבקשו בתשובה ותבקשו מהיגה: בעיו. אלמא באדם כתיב בעיו: איגליין. תרגומו של נבעו אלמא לשון גילוי הילכך אמר מבעה זה הבן דמבעה ל' מגולה הוא דהיינו בן שפעמים מגולה ופעמים מכוסה:

שליש ביתו. שהוצי אדם לבוכו במצות עולה או אלית או ס"ת שליש מה שיש לו: בהידור מצוה עד שליש במצוה. שאם מוצא ב' ס"ת לקנות אחד הדור מחבירו יוסיף שליש הדמים ויקח את ההדור דהכתיב זה אלי ואנוהו התנאה לפניו במצות עשה לך ס"ת נאה לולב נאה ציצית נאה: מלגיו. כגון אם הקטן נמכר בשש יוסיף ב' דינרים דהיינו שליש מלגיו שליש בתוך הדמים ויקח את ההדור: או שליש מלבר. הדמים יחלוק לג' ויוסיף חלק ג' מבלו

מיט זיינע פיס געיענדיג. דאס אנדערע. אז איינער האט גיגראבען אגרוב. אונ אין גרוב איז אריין גיפאלען א בהמה אונ איז גיהרגת געווארין. דאס דריטע איז מבעה. דאס פערטע. אז איינער האט אן גיצונדין אפייער אונ דער פייער האט פארברענט אפרעמדע שטוב אדער אנדערע זאכין. זאגט דיא גמרא וואס איז מבעה. רב זאגט מבעה מיינט מען אמענטש. אז אמענטש האט גיטאהן אשאדין. אונ שמואל זאגט מבעה מיינט מען אצאן. די בהמה האט גיטאהן אשאדין מיט אירע ציין. זיא האט גיגעסין פרעמדע תבואה. רב זאגט מבעה מיינט מען צמענטש. ווארום עס שטייט אין פסוק דער היטער וואס מיינט מען גאט האט גיזאגט. עס איז גיקומען דער פריא מארגין ווייא ליכטיגקייט צו דיא צדיקים. אונ עס איז גיקומען דיא נאכט דיא פינסטערניש צוא דיא רשעים. אם תבעיון בעיו. אויב איר ווילט תשובה טאהן אונ בעטין. זאלט איר בעטין. זעהן מיר אז ביי אמענטש שטייט דער ווארט בעיו. דאס איז דער זעלביגער ווארט וואס מבעה. דריבער מבעה מיינט מען אמענטש. אונ שמואל זאגט אז מבעה. מיינט מען אצאן. ווארום עס שטייט אין פסוק איך נחפשו עשו נבעו מצפוניו. דער פסוק ווערט גיטייטשט אזוי ווייא רב יוסף האט גיטייטשט. ווייא אזוי איז עשו געזוכט געווארין. עס איז אויף גידעקט געווארין זיינע בעהאלטענע זאכען. איז נבעו דער טייטש אויף גידעקט. ווערט דאך גיזאגט דער ווארט נבעו אויף אזוי אזאך וואס אמאהל איז צוא גידעקט אונ אמאל איז אויף גידעקט. אונ נבעו איז דיא זעלביגע וואס מבעה. דריבער קענען מיר זאגין אז מבעה איז אצאן. ווארום דער צאן איז אויך אמאהל אויף גידעקט. ווען דיא מויל איז האפין. אונ אמאהל צו גידעקט ווען די מויל איז פר מאכט:

ד אמר. רב אסי האט גיזאגט רבי זירא האט גיזאגט פון רב הונאס וועגין אמענטש דארף געבין פאר אמצוה ביז אדריטול. פרעגט דיא גמרא וואס מיינט מען אדריטול. מיר וואלין זאגין אדריטול פאר מעגין. וועט דאך זיין אז אים וועט טרעפין צו טאהן דריי מצות מיט איין מאהל. וועט ער דארפין אוועק געבין זיין גאנץ פאר מעגין. האט רבי זירא גיזאגט אזוי מיינט מען. דיא שיינקייט פון דער מצוה דארף קאסטין אדריטול פון דיא מצוה. למשל ער וויל קויפען אספר תורה. אונ עס איז דא צו פר קויפען צוויי ספרי תורות. איינע איז שענער ווי דיא אנדערע. זאל ער געבין אדריטול געלט מער אונ זאל קויפען דיא שענערע. האט רב אשי גיפרעגט וויא מיינט מען אדריטול מער. אדריטול פון איינווייניג. למשל פאר דיא פראסטע ספר תורה וויל מען זעכציג רובל. אויב מען וויל פאר דיא שענערע אכציג רובל. זאל ער צו געבין נאך צוואנציג רובל וואס איז אדריטול פון זעכציג אונ זאל קויפען דיא שענערע. אבער אז מען וויל טייערער ווייא אכציג רובל. דארף ער ניט קויפען דיא שענערע. אדער מען מיינט אדריטול פון אויסווייניג. אויב מען וויל פאר דיא פראסטע ספר תורה זעכציג רובל. אונ פאר דיא שענערע

מלבר היקו בטערבא אמרי משים דרבי זירא עד שליש משלו מכאן ואילך כשל הקב"ה:

(פו ע"ב) **ה תניא** ר' נתן אומר מנין שלא יגדל אדם כלב רע בתיך ביתו ואל יעמיד סולם רעוע בתיך ביתו שנא' (דברים כב) ולא תשים דמים בביתך. (דף פז) תניא צבוע זכר לאחר ז' שנים נעשה עטלף. עטלף לאחר ז' שנים נעשה ערפד. ערפד לאחר ז' שנים נעשה קימוש. קימוש לאחר ז' שנים נעשה חוח. חוח לאחר ז' שנים נעשה שד. שדרו של אדם לאחר ז' שנים נעשה נחש והוא דלא כ"ע במודים:

(ע"ב) (ד"ה כב) **ו וישכב** חזקיהו עם אבותיו ויקברוהו במעלה קברי בני דוד. אמר ר"א במעלה אצל מעולים שבמשפחה ומאן נינהו דוד ושלמה (כס כז) וישכיבוהו במשכב אשר מלא בשמים וזנים מאי בשמים וזנים רבי אלעזר אומר זני זני. רב שמואל בר נחמני אומר בשמים שכל המריח אותם בא לידי זמה:

(ירמיה יח) **ז כי** כרו שוחה ללכדני ופחים טמנו לרגלי ר' אלעזר אומר שהשדוהו מזונה ר שמואל

דהיינו אם קטן נמכר כו' יוסיף ג' דינרין ויקח את הגדול כט' עד שליש משלו. דהיינו אותו שליש שיוסיף בסידור מ"ו מ משלו הוא שאינו נפרע לו בחייו כדאמרינן היום לעשותם ולא היום ליטול שכרם: מכאן ואילך. מה שיוסיף בסידור יותר על שליש יפרע לו הקב"ה בחייו:

(צבוע זכר. פי' בע"וך אם זה גיא הצבועים מתרגמינן מישור אפעיא: ערפד תרגום ירושלמי עטלף ערפדא):

ויקברוהו במעלה וגו'. בחזקיהו כתיב בספר דה"י. וישכיבוהו במשכב. באסא מלך יהודה: זנ זני. מיני מיני בשמים הרבה כדמתרגם למינהו לזנוהי

וויל מען ניינציג רובל. זאל ער געבין נאך דרייסיג רובל. ודאס הייסט אויך אדריטל מער. ווארום זעכציג איז צוויי מאהל דרייסיג. נאך דרייסיג צו. ביז ניינציג. איז דאך דיא דרייסיג אדריטיל. ווייס מען ניט וויא מען מיינט. אדריטול פון זעכציג. אדער אדריטול פון ניינציג. אין ארץ ישראל האט מען גזאגט פון רבי זיראס וועגין ביז אדריטול גיט אמעיטש פון זיין געלט. מער וויא אדריטול גיט ער פון גאטס געלט. למשל אז אפראסטע ספר תורה קאסט זעכציג רובל. אונ ער האט גיגעבין פאר אשענערע ביז ניינציג רובל. דאס האט ער גיגעבין פון זיין געלט. פאר דעם וועט אים גאט ניט בצאהלין אויף דער וועלט נאר אויף יענער וועלט. אבער אז ער הט גיגעבין פאר אשענערע מער וויא ניינציג. מער וויא אדריטול. דס וועט אים גאט בצאהלין אויף דיא וועלט:

ה תניא. מיר האבען גילערונט רבי נתן זאגט פון וואנען ווייסען מיר אז אמענטש טאר ניט האלטען אשלעכטין הונט אין זיין שטוב אונ ער טאר ניט שטעלין אשלעכטין לייטער אין זיין שטוב: ווארום עס שטייט אין פסוק דוא זאלסט ניט טאהן קיין בלוט אין דיין שטוב. אונ פון דעם הונט אדער פון דעם לייטער קען דאך איינער שטארבין. תניא. מיר האבען גילערונט אשלאנג וואס הייסט צבוע אונ ער איז אזכר. נאך זיבען יאהר ווערט פון אים אעטלף. אעטלף נאך זיבען יאהר ווערט פון אים אערפד. אערפד נאך זיבען יאהר ווערט פון אים אקימוש. אקימוש נאך זיבען יאהר ווערט פון אים אחוח. אחוח נאך זיבען יאהר ווערט פון אים אשד. דיא שדרה פון אמענטשין נאך זיבען יאהר ווערט פון אים אשלאנג. דאס איז נאר אז ער האט ניט געקניט צו מודים:

ו וישכב. דער מלך חזקיהו איז גישטארבין מיט זיינע עלטערין אונ מען הט אים בגראבין במעלה קברי בני דוד. רבי אלעזר זאגט במעלה איז דער טייטש דיא בעסטע. מען האט אים בגראבין נעבין דיא בעסטע פון דער משפחה. דאס איז דוד אונ שלמה. ביי אסא דער מלך פון יהודה שטייט מען האט אים גיליגט אויף אגילעגער וואס ער איז גיוועזן פול מיט בשמים וזנים. וואס מיינט מען בשמים וזנים. רבי אלעזר זאגט מען מיינט פיל מינים בשמים. רב שמואל בר נחמני זאגט אזעלכע בשמים וואס ווער עס שמעקט זייא נעמט אים אן אנגרייסטונג צוא מזנה זיין:

ז כי. ירמיה הנביא האט גיזאגט אויף דיא יודין זייא האבען גיגראבען אגרוב מיך צוא

שמואל ב"נ אומר שחשדוהו מאשת איש בשלמא למ"ד שחשדוהו מזונה היינו דכתיב (משלי כג) כי שוחה עמוקה זונה. אלא שחשדוהו מאשת איש מאי שוחה. אטו אשת איש מי נפקא מכלל זונה. בשלמא למ"ד שחשדוהו מאשת איש היינו דכתיב (ירמיה יח) אתה ה' ידעת את כל עצתם עלי למות אלא למ"ד שחשדוהו מזונה מאי למות שהשליכוהו לבאר טיט. דרש רבא מ"ד (שם) ויהיו מוכשלים לפניך בעת אפך עשה בהם אמר ירמיה לפני הקב"ה רבש"ע אפילו בשעה שעושים צדקה הכשילם בבני אדם שאינם מהוגנים כדי שלא יקבלו עליהם שכר:

(ד"ס כ לג) **ח וכבוד** עשו לו במותו שהושיבו ישיבה על קברו. פליגי בה רבי נתן ורבנן חד אמר ג' (דף יז) וח"א ז' ואמרי לה שלשים. ת"ר וכבוד עשו לו במותו זה חזקיה מלך יהודה שיצאו לפניו ל"ו אלף חלוצי כתף דברי רבי יהודה א"ל רבי נחמיה

עצתם עלי למות. דאשת איש אית בה חיוב מיתה אבל בזונה פנויה ליכא מיתה:
וכבוד עשו לו במותו. בחזקיה כתיב: ישיבה. תלמידים לעסוק בתורה שם: ג' ימים הושיבו [שם] ישיבה: וחד אמר. ז' ימים: זה חזקיה מלך יהודה. ליתא דתלמודא הוא ולא לאשמעינן אתו מקרא דהאי קרא בחזקיה כתיב אלא הכי אורחיה דמפרש מאי כבוד עשו לו במותו הוא נקט ואמר הכי: חלוצי כתף. כמו והאלה נעלו שקרעו בגדיהם עד

בצווינגען. אונ פיל נעצין האבען זייא בעהאלטין צוא מיינע פים. רבי אלעזר זאגט זיי האבען חושד גיוועזען ירמיהו אז ער האט מזנה גיוועזען מיט א זונה. רבי שמואל בר נחמני זאגט זיי האבען חושד גיוועזען ירמיהו אז ער האט מזנה גיוועזען מיט אשת איש. זאגט דיא גמרא דער וואס זאגט אז זייא האבען חושד גיוועזען ירמיהו אז ער האט מזנה גיוועזען מיט א זונה. איז רעכט וואס עס שטייט אין פסוק כי כרו שוחה. זייא האבען גיגראבין א גרוב. ווארום ביי א זונה שטייט אויך אזו כי שוחה עמוקה זונה. א זונה איז וויא א טיפע גרוב. נאר דער וואס זאגט אז זייא האבען אים חושד גיוועזען מיט אשת איש. ווארום רופט מען דאס שוחה. א גרוב. ענטפערט דיא גמרא אז אשת איש איז מזנה איז זיא דען ניט א זונה. פרעגט די גמרא דער וואס זאגט אז מען הט ירמיהו חושד גיוועזען אז ער הט מזנה גיוועזען מיט אשת איש. איז רעכט וואס עס שטייט אין פסוק ירמיהו האט גזאגט פאר גאט. דוא גאט ווייסט אז זייערע אלע עצות אויף מיר איז מיך צו הרגנן. ווארום אז מען איז מזנה מיט אשת איש קומט מען זאל הרגנן. אבער דער וואס זאגט אז מען האט אים חושד גיוועזען ער איז מזנה מיט א זונה וואס האט ניט קיין מאן. פאר וואס קומט אים צו הרגנן. ענטפערט דיא גמרא דאס הרגנן איז ניט דורך דיא זונה. נאר זייא האבען אים אריין גיווארפין אין א גרוב ליים. ער זאל דארט דער טרונקען ווערין. רבא האט גידרשת עס שטייט אין פסוק זייא זאלין זיין גישטרויכלט פאר דיר אין דער צייט פון דיין כעס טוה מיט זייא. אזוי הט ירמיה גזאגט פאר גאט רבונו של עולם אפילו ווען זיי ווערין טאהן צדקה. זאלסטו זייא שטרויכלען זייא זאלין געבין דיא צדקה צו אזעלכע מענטשין וואס זענין רשעים ווס דו ביסט אין כעס אויף זייא: זייא זאלין ניט האבען שכר פאר דיא צדקה:

ח וכבוד. מען האט גיטאהן כבוד צוא חזקיהו ווען ער איז גישטארבין. וואס איז גיוועזען דער כבוד. מען האט גיזעצט א ישיבה אויף זיין קבר. תלמידים זענען גיזעסין אויף זיין קבר אונ האבען גילערנט תורה. אין דעם קריגט רבי נתן מיט דיא רבנן. איינער זאגט דרייא טעג איז דיא ישיבה גיזעסין; אונ איינער זאגט זיבען טעג איז די ישיבה גיזעסין. אונ אנדערע זאגין דרייסיג טעג איז דיא ישיבה גיזעסין אויף זיין קבר. דיא רבנן האבען גילערנט עס שטייט אין פסוק מען האט גיטאהן צוא אים כבוד ווען ער איז גישטארבין. דאס מיינט מען מען האט גיטאהן כבוד צו חזקיהו מלך יהודה ווען ער איז גישטארבין. פאר זיין מטה וויא מען האט אים גיטראגין זענען גיגאנגען זעקס אונ דרייסיג טויזענד מענטשין צעריסען דיא קליידער ביז מען האט ארויס גיזעהן דעם אקסיל. אזוי זאגט רבי יהודה. האט רבי נחמיה גיזאגט צו רבי יהודה פאר דעם מלך אחאב האט מען דאך אויך אזוי גיטאהן. נאר דעם כבוד האט מען גיטאהן

נחמיה והלא גם לפני אחאב עשו כן אלא שהניחו ס"ת על מטתו ואמרו קי"ם זה מה שכתוב בזה. והאידנא נמי עבדינן הכי אפוקי מפקינן אנוחי לא מנחינן. ואב"א אנוחי נמי מנחינן קיים לא אמרינן. ארבב"ח הוה אזילנא בהדיה דר' יוחנן למשאל שמעתא כי הוה עאל לבהכ"ס והוה בעינא מיניה מלתא לא פשיט לן עד דמשי ידיה ומנח תפילין ומברך והדר אמר לן אפילו קיים אמרינן לימד לא אמרי'. והאמר מר גדול ת"ת שהתלמוד מביא לידי מעשה לא קשיא הא למיגמר הא לאגמורי:

שמלאו כתפיהם: והאידנא. מפקינן ס"ת קמי גברא רבה: אנוחי. על מטתו לא מנחינן: כי הוה עייל לבית הכסא. כלומר זמנא חדא כי הוה עייל לבית הכסא אמר לן הכי קיים אמרינן לימד לא אמרינן ולימד אמרו לחזקיה והאידנא לא משום כבוד דחזקיה דלימד עדיף מקיים:
מביא לידי מעשה. אלמא מעשה עדיף: למגמר. לעצמו מעשה עדיף הא לאגמורי לאחרים עדיף ממעשה הילכך לימד לא אמרינן:
זורעי. היינו צדקה וחסד כדמפרש לקמיה: לנחלת שני שבטים. דהכי משמע רגליכם ישולחו בנחלת השור והחמור יוסף ויששכר: בנות צעדה עלי שור.

ט א"ר יוחנן משום רבי שמעון בן יוחאי מ"ד (ישעיה לב) אשריכם זורעי על כל מים משלחי רגל השור והחמור כל העוסק בתורה ובגמילות חסדים זוכה לנחלת שני שבטים שנא' אשריכם זורעי ואין זריעה אלא צדקה שנאמר (הושע י) זרעו לכם לצדקה קצרו לפי חסד ואין מים אלא תורה שנא' (ישעיה נה) הוי כל צמא לכו למים וזוכה לנחלת שני שבטים זוכה לכילה כיוסף דכתי' (בראשי' מט) בן פורת יוסף גו' בנות צעדה עלי

צו חִזְקִיָּהוּ מֶען הָאט גִילֵייגְט אַסֵפֶר תּוֹרָה אויף זַיין מִטָּה. אוּנ מֶען הָאט גִיזָאגְט דֶער וָואס לִיגְט אויף דִיא מִטָּה הָאט מְקַיֵּים גִיוֶועֶן וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין דִיא תּוֹרָה. אוּנ אִיצְט טוּהְט מֶען אוֹיךְ אַזוֹי מֶען טְרָאגְט אַסֵפֶר תּוֹרָה פַאר אַגְרוֹיסִין צַדִיק אַז עֶר אִיז גִישְׁטָארְבִּין. נָאר מֶען לֵייגְט נִיט דִיא סֵפֶר תּוֹרָה אויף דִיא מִטָּה וְוא דֶער מֵת לִיגְט. אַנְדֶערֶע זָאגִין אִיצְט לֵייגְט מֶען אוֹיךְ אַסֵפֶר תּוֹרָה אויף דֶער מִטָּה נֶעבִּין דֶעם מֵת: נָאר מֶען זָאגְט נִיט אַז דֶער מֵת הָאט מְקַיֵּים גִיוֶועֶן וָואס אִין דִיא סֵפֶר תּוֹרָה שְׁטֵייט. רַבָּה בַּר בַּר חָנָה הָאט גִיזָאגְט אִיךְ בִּין אַמָאהְל גִיגַאנְגֶען מִיט רֶבִּי יוֹחָנָן אוּנ אִיךְ הָאבּ גִיוָואלְט פְרֶעגִין בַּייא אִים אַדִין. דֶער וַוייל אִיז עֶר אַרַיין גִיגַאנְגֶען אִין בֵּית הַכִּסֵא. וְויא עֶר אִיז אַרוֹיס גִיגַאנְגֶען פוּן בֵּית הַכִּסֵא הָאבּ אִיךְ בַּייא אִים גִיפְרֶעגְט דֶעם דִין. הָאט עֶר מִיר גָאר נִישְׁט גִיעֶנְפֶערְט בִּיז עֶר הָאט גִיוַואשִׁין דִיא הֶענְט אוּנ עֶר הָאט גִילֵייגְט תְּפִלִּין אוּנ הָאט גִימַאכְט אַבְּרָכָה דֶער נָאךְ הָאט עֶר אוּנז גִיזָאגְט אַז אַצַדִיק שְׁטַארְבְּט לֵייגְט מֶען נֶעבִּין אִים אויף דֶער מִטָּה אַסֵפֶר תּוֹרָה. אוּנ מֶען זָאגְט דֶער צַדִיק הָאט מְקַיֵּים גִיוֶועֶן אַלְץ וָואס אִין דִיא סֵפֶר תּוֹרָה שְׁטֵייט. נָאר מֶען זָאגְט נִיט עֶר הָאט גִילֶערוּנְט דִיא תּוֹרָה. פְרֶעגְט דִיא גְמָרָא דֶער תַּנָּא הָאט דָאךְ גִיזָאגְט אַז לֶערְנֶען אִיז גְרוֹיס. וָוארוּם דֶער לֶערְנֶען בְּרֵיינְגְט מֶען זָאל וִויסֶען וָואס צוּא טָאהְן. אַז מִיר זָאגִין דֶער צַדִיק הָאט מְקַיֵּים גִיוֶועֶן אַלְץ וָואס אִין דִיא תּוֹרָה שְׁטֵייט. הָאט עֶר דָאךְ גִימוּזְט פְרִיעֶר לֶערְנֶען דִיא גַאנְצֶע תּוֹרָה. וָוארוּם אַז עֶר הָאט נִיט גִילֶערוּנְט. פוּן וַואנֶען הָאט עֶר גִיוָואכְט צוּ מְקַיֵּים זַיין. עֶנְטְפֶערְט דִיא גְמָרָא עֶס אִיז נִיט קֵיין קַשְׁיָא. לֶערְנֶען פַאר זִיךְ הָאט עֶר טַאקִי גִילֶערוּנְט אוּנ מֶען זָאגְט דֶער מֵת הָאט גִילֶערוּנְט אוּנ הָאט מְקַיֵּים גִיוֶועֶן וָואס אִין דִיא סֵפֶר תּוֹרָה שְׁטֵייט. נָאר מֶען זָאגְט נִיט עֶר הָאט גִילֶערוּנְט מִיט אַנְדֶערֶע:

ט אָמַר. רֶבִּי יוֹחָנָן הָאט גִיזָאגְט פוּן רֶבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאִים וֶועגִין עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק ווָאוֹהְל צוּ אַייךְ אִיר זַייט אויף אַלֶע וואסֶערִין זַייא שִׁיקֶען דִיא פִיס פוּן אָקְס אוּנ פוּן אֵייזִיל. דָאס מֵיינְט מֶען דֶער וָואס בַּשֶׁעפְטִיגְט זִיךְ מִיט תּוֹרָה אוּנ מִיט גְמִלוּת חֲסָדִים אִיז עֶר זוֹכֶה צוּ דִיא נַחֲלָה פוּן צְוֵויי שְׁבָטִים. וָוארוּם עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק ווָאוֹהְל צוּא אַייךְ אִיר זַייט. זַייעֶן מֵיינְט מֶען צְדָקָה גֶעבִּין. אַזוֹי וְויא עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק זַייט צוּא צְדָקָה וֶועט אִיר שְׁנַיידִין וְויא דֶער חֶסֶד אִיז גִיוֶועֶן: וַואסֶער מֵיינְט מֶען דִיא תּוֹרָה. אַזוֹי וְויא עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק אַלֶע דָארְשְׁטִיגֶע גֵייט צוּם וַואסֶער. וֶוער עֶס אִיז דָארְשְׁטִיג תּוֹרָה לֶערְנֶען. זָאל גֵיין צוּא דִיא תּוֹרָה. אוּנ עֶר אִיז זוֹכֶה צוּא דִיא נַחֲלָה פוּן צְוֵויי שְׁבָטִים. עֶר אִיז זוֹכֶה צוּא אַחוּפָּה אַזוֹי וְויא יוֹסֵף. וָואס

עלי שור וזוכה לנחלת יששכר דכתיב (שם) יששכר חמור גרם . א"ר אויביו נופלין לפניו כיוסף דכתיב ביה (דברים לג) עמים ינגח יחדו אפסי ארץ וזוכה לבינה כיששכר דכתיב (ד"ה א יב) ומבני יששכר יודעי בינה לעתים לדעת מה יעשה ישראל וגו' :

פירוש חילה : חמור גרם . מתרגמינן פתיר נכסי : יוסף אקרי שור . בכור שורו הדר לו :
הדר בחצר חבירו . דלא קיימא לאגרא : שלא מדעתו א"צ להעלות לו שכר שאמר ושאיה יוכת שער . שד ששמו שאיה מכתת שערי בית שאין בני אדם דרין בו והלכך זה שעמד בו הרויח ל"א בית שהוא שאוי ויחיד מאין אדם יוכת בעל מזיקין מכתתין הוקן (שער שדים) :
בירה . בית גדול : בנר חנוכה פטור . שמצוה להניח ברבות הרבים לפרסומי ניסא : וזוגגין . מוכרי כלי זכוכית :

כיצד הרגל פרק שני

(דף כא) **א אמר** רב סחורה אמר רב הונא אמר רב הדר בחצר חבירו שלא מדעתו אי צריך להעלות לו שכר משום שנאמר (ישעיה כד) ושאיה יוכת שער אמר מר בר רב אשי לדידי חזי לי וכנגח כתורא :

(דף כב) **ב ת"ש** גמל טעון פשתן ועבר בר"ה נכנסה פשתנו לתוך החנות ודלקו בנרו של חנוני והדליק את הבירה בעל גמל חייב ·הניח חנוני נרו מבחוץ חנוני חייב ר' יהודה אומר בנר חנוכה פטור

ת"ר

עס שטייט אין פסוק בן פורת יוסף. אזוהן פון חן איז יוסף. די טעכטער פון מצרים האבען גיטרעטן אויף די דעכער פון די מויער צוא זעהן יוסף (יוכף ווערט גירופען אקס אזוי וויא עס שטייט אין פסוק בכור שורו הדר לו) . אונ ער איז זוכה צוא די נחלה פון יששכר . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק יששכר איז אאייזיל מיט ביינער . ער איז אזוי וויא אשטארקער אייזיל . דאס מיינט מען ער איז רייך מיט פאר מעגין . אנדערע זאגין אזוי מיינט מען זיינע פיינט וועלין פאלען פאר אים . אזוי וויא זייא זענען גיפאלען פאר יוסף . ווארום ביי יוסף שטייט ער וועט שטויסען פעלקער . ער וועט אלע צו זאמען שטויסען ביז אין עק וועלט . אונ ער וועט זוכה זיין צו פר שטאנדיגקייט אזו וויא יששכר . אזו וויא עס שטייט אין פסוק די קינדער פון יששכר ווייסין צו פאר שטיין די צייטין . צו וויסען וואס די יודין זאלין טאהן :

פרק שני

א אמר . רב סחורה האט גזאגט . רב הונא האט גזאגט פון רבס וועגין אז איינר וואוהנט אין זיין חברס הויף . אונ זיין חבר ווייס גאר ניט . אויב די שטובין זענען גיוועזן ליידיג . אונ זיי זענין ניט גישטאנען צום פר דינגען . דארף ער ניט בצאהלין פר זיין וואוגען . ווייל עס שטייט אין פסוק ושאיה יוכת שער . דער שד וואס ער הייסט שאיה . צוא שטויסט ער די טירין פון די ליידיגע הייזער . איצט אז ער האט גיוואוינט איז די שטוב געבליבען גאנץ . האט ער דאך דעם בעל הבית פון שטוב גיטאהן אטובה . מר בר רב אשי האט גזאגט איך האב גיזעהן דעם שד וואס צו שטויסט די הייזער . אונ ער שטויסט אזו וויא אאקס .

ב תא שמע . קום הער וואס מיר האבען גילערנט אז אקעמיל איז גיוועזן בלאדין מיט פלאקס . אונ ער איז גיגאנגען מיט די פלאקס אין גאס . אונ די פלאקס איז אריין גיגאנגען אין אקראם . אונ די פלאקס האט זיך אן גיצונדען אין די ליכט פון קרעמער . אונ די פלאקס האט אן גיצונדען אשטוב . דער בעל הבית פון קעמיל דארף בצאהלין פאר די שטוב . אבער אז דער קרעמער האט גישטעלט די ליכט אויף די גאס נעבין טיר פון די קראם . אונ די פלאקס האט זיך אן גיצונדען . דארף דער קרעמער בצאהלין . רבי יהודה זאגט אויב דס איז גוועזן אחנוכה ליכט . וואס די מצוה איז צוא שטעלען אויף די גאס נעבין די טיר . דארף ניט דער קרעמער בצאהלין :

המניח פרק שלישי

(דף ל) **א ת"ר** הסידים הראשונים היו מצניעין קוצותיהם וזכוכיותיהם בתוך שדותיהם ומעמיקים להם ג' טפחים כדי שלא יעכב המחרשה רב ששת שדי להו בנורא רבא שדי להו בדגלת. א"ר יהודה האי מאן דבעי למיהוי חסידא ליקיים מילי דנזיקין רבא אמר מילי דאבות ואמרי לה מילי דברכות:

(ומודה איסי בן יהודה. ברייתא שם תניא איסי בן יהודה אומר רץ חייב מפני שהוא משונה פירוש אם אחד רץ ואחד מהלך הזיק זה את זה הרץ חייב וע"ז קאי ומודה וכו') : כולו וגלא . כאדם המקבל פני המלך :

(דף לא) **ב ת"ש** הקדרין והזגגין שהיו מהלכין זה אחר זה נתקל הראשון ונפל ונתקל השני בראשון והשלישי נתקל בשני הראשון חייב בנזקי שני והשני חייב בנזקי שלישי ואם מחמת הראשון נפלו הראשון חייב בנזקי כלם ואם הזהירו זה את זה פטורין:

(דף לב ע"ב) **ג ומודה** איסי בן יהודה בע"ש בין השמשות שהוא פטור מפני שרץ ברשות בע"ש מאי ברשות איכא כדרבי חנינא דא"ר חנינא בואו ונצא לקראת כלה מלכתא ואמרי לה לקראת שבת [כלה] מלכתא ר' ינאי מתעטף [וקאי] ואמר

פרק שלישי

א תנו רבנן. דיא רבנן האבען גילערונט דיא פאר צייטיגע חסידים פלעגין בעהאלטען זייערע דערנער אונ זייערע שטיקער גלאז אין דיא פעלדער דריי טפחים טיף אין דיא ערד. מען זאל קענען אקערין פון הויבין. דיא דערנער זאלין ניט פאר האלטען דעם אקער. רב ששת פלעגט אריין ווארפען זיינע דערנער אין פייער. אונ פלעגט זייא פר ברענגען. רבא פלעגט אריין ווארפען זיינע דערנער אונ שטיקער גלאז אין דעם טייך דיגלת. רבי יהודה זאגט ווער עס וויל זיין א חסיד זאל ער מקיים זיין וואס עס שטייט אין דיא מסכתות נזיקין. ער זאל זיך היטען ער זאל קיינעם ניט טאהן קיין שאדין. רבא זאגט ער זאל מקיים זיין וואס עס שטייט אין דיא מסכת אבות. אנדערע זאגין ער זאל מקיים זיין וואס עס שטייט אין דיא מסכת ברכות. ער זאל מאכען א ברכה אויף יעדער זאך:

ב תא שמע. קום הער וואס מיר האבען גילערונט דרייא טעפערס אדער דריי גלעזערס זענען גיגאנגען איינער אינטער דעם אנדערין. אונ עס איז עפעס גילעגין אויף דיא גאס. האט זיך דער ערשטער גישטרויכעלט אן דיא זאך אונ איז גיפאלען. אונ דער אנדערער האט זיך גישטרויכעלט אן דעם ערשטין אונ איז אויך גיפאלען: אונ דער דריטער האט זיך גישטרויכעלט אן דעם אנדערין אונ איז אויך גיפאלען: אונ זייא האבען צוא בראכען זייערע טעפ אדער זייערע גלאז. דער ערשטער דארף בצאהלין דעם אנדערינס שאדין. אונ דער אנדערער דארף בצאהלין דעם דריטונס שאדין. אונ אויב דער אנדערער אונ דער דריטער זענען גיפאלען דורך דעם ערשטין. דארף דער ערשטער בצאהלין אלע שאדינס דעם אנדערינס אונ דעם דריטונס. אונ אויב דער ערשטער וויא ער איז גיפאלען האט ער געשריגען צום אנדערין ער זאל זיך היטען: אונ דער אנדערער וויא ער איז גיפאלען האט ער געשריגען צום דריטען ער זאל זיך היטען. אונ זיי האבען זיך ניט געהיט אונ זענען גיפאלען. זענען ביידע פטור:

ג ומודה. אונ איסי בן יהודה איז מודה אז איינער איז גילאפען אין גאס ערב שבת שפעט פארין נאכט. אונ לויפנדיג. האט ער גיטאהן א שאדין איינעם וואס איז ניט געלאפען נאר גיגאנגען. דארף ער ניט בצאהלין דעם שאדין. וויל ערב שבת פארין נאכט מעג ער לויפין. אזוי וויא רבי חנינא פלעגט זאגין צוא זיינע תלמידים ערב שבת פארין נאכט קומט מיר וועלין ארויס גיין געגין דיא כלה אונ מלכה. אנדערע זאגין אזוי פלעגט רבי חנינא זאגין צוא דיא תלמידים ערב שבת פארין נאכט. קומט מיר וועלין ארויס גיין געגין דעם שבת וואס זי ווערט גערופין שבת אונ כלה אונ מלכה. רבי ינאי ערב שבת פארין נאכט פלעגט ער זיך איין וויקלען אין זיינע קליידער אונ

תוקע. המכה כנגד אזנו לשון מורי ל"א תקיעה ממש: נותן לו סלע. דמי בשתו לכך צערו וזוקא זרפוי אם יכנס שם (בגמ' מסיק דהוא סלע מדינה והוא פלגא דזוזי במנינה של, כלע צ"ר): זוזא מכה. פחות נוכחו: ולא הוה משתקל ליה. לא הוה יכול לגבותו: מואבים עצמם. שהתחילו בקלקול ושכרו את בלעם:

ואמר בואי כלה בואי כלה:

שור שנגח ארבעה וחמשה פרק רביעי

(דף לו ע"ב) **א תנן** התם התוקע לחבירו נותן לו סלע וכו'. (דף לז) חנן בישא תקע ליה להתוא גברא אתא לקמיה דרב הונא א"ל זיל הב ליה פלגא דזוזא ה"ל זוזא מכא בעי למיתבה ליה מיניה פלגא דזוזא לא הוה משתקיל ליה תקע ליה אחרינא ויהביה ניהליה:

ב רב שמואל בר יהודה שכיבא ליה ברתיה אמרי ליה רבנן לעולא קום ניזיל נינחמיה אמר להו מאי אית לי גבי נחמתא דבבלאי דגידופא הוא דאמרי מאי אפשר לי למיעבד הא אפשר להו למיעבד עבדי אזיל הוא להודיה לגביה א"ל (דברים ב) ויאמר ה' אלי אל תצר את מואב ואל תתגר בם מלחמה וכי עלה על דעתו של משה לעשות מלחמה שלא ברשות אלא נשא משה ק"ו בעצמו אמר ומה מדינים שלא באו אלא לעזור את מואב אמרה תורה (במדבר כה) צרור את המדינים והכיתם אותם (ע"ב) מואבים עצמם לא כ"ש א"ל הקב"ה לא כשעלתה על דעתך עלתה על דעתי שתי פרידות טובות יש לי

פלעגט זיך שטעלין אונ פרעגט זאגין צום שבת קום כלה קום כלה. אונ וייל שבת איז אזוי טייער. דריבער ערב שבת פארין נאכט לויפט יעדער מענטש אין גאס אן גרייטין אויף שבת. אונ מען לויפט אהיים צוא נעמען שבת. דריבער מעג מען לויפען. אונ אז מען טוהט אשארקין לויפענדיג דארף מען ניט בצאהלין:

פרק רביעי

א תנן. מיר האבען גילערנט אז איינער האט גשלאגין זיין חבר אויף דעם אויער. נים ער אים אהאלבין גילדין פאר דעם וואס ער האט אים פאר שעמט. זאגט דיא גמרא חנן בישא האט גישלאגין אמענטשין אויף דעם אויער. זענען זייא גיקומען אדין תורה האבען פאר רב הונא. האט רב הונא גזאגט צו חנן גייא גיב אים אהאלבין גילדין. האט חנן ניהאט אאפגעריבענעם גילדין. האט ער גיוואלט מען זאל אים ארעשט געבין פון דעם גילדין אהאלבין גילדין. האט קיינער נישט גיוואלט נעמען דעם גילדין. הט ער אים נאך אמאהל גישלאגין אויף דעם אויער אונ הט אים אוועק ניגעבין דעם גאנצין גילדין:

ב בייא רב שמואל בר יהודה איז גישטארבין אטאכטער. האבען דיא רבנן גיזאגט צו עולא מיר וועלין גיין צו רב שמואל מנחם אבל זיין. האט עולא גיזאגט צו דיא רבנן וואס האב איך צו גיין מיט דיא טרייסטער פון בבל. זייא טרעסטערין נאר גאט. זייא זאגין צום אבל וואס קען איך טאהן געגין גאט. אבער אז זייא וואלטין גיקענט וואלטין זייא גיטאהן. איז עולא אליין גיגאנגען צו רב שמואל מנחם אבל זיין. האט עולא גיזאגט צו רב שמואל עס שטייט אין פסוק משה רבינו האט געזאגט גאט האט גיזאגט צו מיר דו זאלסט ניט באגערין מואב אונ דוא זאלסט ניט רייצין מיט זייא אמלחמה. איז דאך אקשיא האט דען משה גיוואלט מאכין אמלחמה מיט מואב אונ ניט פרעגין בייא גאט: וואס גאט האט אים גידארפט אן זאגין ער זאל ניט מלחמה האלטין מיט מואב. נאר משה האט גיוואלט לערנען אקל וחומר אז ער זאל מלחמה האלטין מיט מואב. ער האט אזוי גיזאגט מאראך דיא מדינים וואס זייא זענען נאר גיקומען העלפין מואב. האט דיא תורה גיזאגט צו משה דו זאלסט באלאגערין דיא מדינים אונ זאלסט זייא שלאגין. מואב אליין דארף מען דאך געוויס שלאגין. האט גאט גיזאגט צו משה ניט וויא דו טראכסט. טראכט איך. צווייא גוטע טויבין האב איך ארויס צו נעמען פון עמון איינע אונ פון מואב איינע. רות פון מואב אונ

לי להוציא כהם רות המואביה ונעמה העמונית והלא דברים ק"ו מה בשביל שתי פרידות טובות הס הקב"ה על שתי אומות גדולות ולא ההריבן בתו של ר' אם כשרה היא וראויה לצאת ממנה דבר טוב עאב"ו דרוה חיה :

פרידות. גוזלות : כתו של רבי. אם ראויה לצאת כשר עאכ"ו שתחיה : דקאמרה מואב. לשון פריצות שהוא מאביה : אנגריא. לשעבד בהם להביא להם מים ומזון : אתין. וגמין ריבוין : כשהגיע לאת ה' אלהיך תירא :

ג א"ר חייא בר אבא א"ר יוחנן אין הקב"ה מקפח שכר כל בריה אפילו שכר שיחה נאה דאילו בכירה דקאמרה מואב א"ל הקב"ה למשה (דברים ב) אל תצר את מואב ואל תתגר בם מלחמה מלחמה הוא דלא הא אנגריא עביד בהו צעירה דקאמרה בן עמי א"ל הקב"ה למשה (שם) וקרבת מול בני עמון אל תצורם ואל תתגר בם בכלל דאפי' אנגריא לא תעביד בהו. וא"ר חייא בר אבא א"ר יהושע בן קרחה לעולם יקדים אדם לדבר מצוה שבשביל לילה אחת שקדמתה בכירה לצעירה קדמתה ד' דורות לישראל עובד ישי ודוד ושלמה ואילו צעירה עד רחבעם דכתיב (מ"א יד) ושם אמו נעמה העמונית :

(דף מא ע"ב) ד תניא שמעון העמסוני ואמרי לה נחמיה העמסוני היה דורש כל אתין שבתורה כיון שהגיע (דברים ו) לאת ה' אלהיך תירא פירש אמרו לו תלמידיו רבי כל אתין שדרשת מה תהא עליהן אמר להם כשם

נעמה פון עמון. דריבער טאר מען נאך ניט מלחמה האלטין ניט מיט עמון אונ ניט מיט מואב. זאגט עולא איך וועל איצט לערנען אקל וחומר. מאראך וועגין צוויא גוטע ווייבער האט גאט רחמנות געהאט אויף צוויא גרויסע פעלקער אונ מען האט זייא ניט געהרגת. דיא טאכטער פון רבי (פון רב שמואל) אויב זיא וואלט געווען אפרומע אונ עס וואלט פון איהר געבארין געווארין גוטע קינדער. געווים וואלט איר גאט גלאזט לעבין :

ג אמר. רבי חייא בר אבא האט גזאגט פון רבי יוחנן וועגין גאט גזולת ניט קיין שכר פון קיין בשעפעניש. אפילו פאר שיינע רייד בצאהלט אויך גאט שכר. ווייל דיא עלצטע טאכטער פון לוט האט גירופין איר קינד מואב. ואיך האב אים געבארין פון מיין פאטער. דו האט זיא דאך מיאוס גירעט. האט גאט געזאגט צו משה דו זאלסט ניט בלאגערין מואב אונ דוא זאלסט ניט רייצין מיט זייא אמלחמה. אמלחמה זאל מען ניט מאכין מיט מואב. מען זאל זייא ניט הרגנן. אבער ארבעטין מיט זייא מעג מען. אבער דיא יינגסטע האט גירופין איר קינד עמון איך האב אים געבארין פון מיין פאלק. האט זיא דאך שיין גירעט. האט גאט געזאגט צו משה אז דוא וועסט גיגענען געגין דיא קינדער פון עמון. זאלסטו זייא ניט בלאגערין אונ דו זאלסט דיך מיט זייא גאר ניט רייצען. אפילו ארבעטין זאלסטו אויך ניט מיט זייא. נאך האט רבי חייא בר אבא געזאגט פון רבי יהושע בן קרחהס וועגין אייביג זאל זיך אמענטש איילין צוא טאהן אמצוה. ווייל דיא עלצטע טאכטער פון לוט האט זיך געאיילט פאר דיא יינגסטע מיט איין נאכט פריער. האט זיא געבראכט פיר דורות יודין פריער פאר דיא יינגסטע. דיא פיר דורות זענען עובד ישי דוד שלמה. אונ פון דיא יינגסטע איז געבארין רחבעם דער זוהן פון שלמה. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דער נאמען פון זיין מוטער (פון רחבעמס מוטער) איז נעמה פון עמון :

ד תניא מיר האבען גילערונט שמעון העמסוני אונ אנדערע זאגין נחמיה העמסוני האט גידרשת אלע ווערטער את וואס עס שטייט אין דיא תורה. דער ווארט את זאל צוא געבין נאך אזאך. וויא ער איז גיקומען צום את ה' אלהיך תירא. האט ער זיך אפ געשיירט. ער האט ניט גיוואלט וואס צוא דרשנן. פאר וועמען זאל מען מורא האבען אויסער גאט. האבען דיא תלמידים צוא אים גיזאגט רבי דיא אלע אתין וואס דו האסט גידרשת וואס וועט זיין מיט זייא. אדער אלע אתין דארפין מערין. אדער אלע אתין מערין ניט. אויב דער את פון את ה' אלהיך

לא יהא פס לרבות : יגדל אדם וכו׳ . כ״נ כתוי לא יכמרט לא יקיימט כוח :

כשם שקבלתי שכר על הדרישה כך קבלתי שכר על הפרישה עד שבא רבי עקיבא ולימד את ה׳ אלהיך תירא לרבות תלמידי חכמים :

(דף מו) **ה** [פיסקא] ר׳ אליעזר אומר אין לו שמירה אלא סכין וכו׳ אמר רבה מאי טעמא דר״א דאמר קרא (שמות כא) ולא ישמרנו שוב אין לו שמירה לזה א״ל אביי אלא מעתה דכתיב (שם) ולא יכסנו שוב אין לו כסוי לזה וכ״ת ה״נ והתנן כסהו כראוי ונפל להוכו שור או חמור וכת פטור אלא אמר אביי היינו טעמא דר״א כדתניא ר׳ נתן אומר כנין שלא יגדל אדם כלב רע בתוך ביתו ואל יעמיד סולם רעוע בתוך ביתו שנא׳ (דברים כב) ולא תשים דמים בביתך :

שור שנגח את הפרה פרק חמישי

(פ״ג) **א אמר** ר״ש בר נחמני מנין להמוציא מחבירו עליו הראיה שנא׳ (שמות כד) מי בעל דברים יגש אליהם ראיה אליהם מתקיף לה רב אשי

תירא מערט גאר ניט. מערין אלע אתין גאר ניט. האט שמעון אדער נחמיה צוא זייא גיזאגט אזוי וויא איך האב גינומען שכר אויף דעם דרשנן דיא אתין. אזוי וועל איך נעמען שכר אויף דעם אפ שיידין זיך פון דעם דרשנן. ביז רבי עקיבא איז גיקומען אונ האט גילערנט את ה׳ אלהיך תירא. דו זאלסט מורא האבען פאר גאט אונ פאר תלמידי חכמים אויך :

ה פיסקא. רבי אליעזר זאגט דער אקס וואס האט גישטויסן דרייא מאהל. קען מען אים שוין ניט היטען. נאר מען מוז אים שעכטין. רבה זאגט פון וואנען ווייס דאס רבי אליעזר. ווארום עס שטייט אין פסוק ולא ישמרנו. ער וועט אים ניט היטען. ווייל ער האט ניט קיין היטונג. מען קען אים ניט היטען. נאר מען מוז אים שעכטין. האט אביי גיזאגט צו רבה אז עס שטייט אין פסוק ולא יכסנו. ער וועט אים (דעם גרוב) ניט צו דעקין. וועסטו אויך טייטשין ווייל ער האט ניט קיין צו דעק. מען קען אים ניט צו דעקין. אז מען דעקט צו דיא גרוב: אונ עס איז אינווייניג אריין גיפאלין אבהמה. דארף מען בצאהלין אויב זיא איז גיהרגת גיווארין. טאמער וועסטו זאגין טאקי אזוי: מען דארף טאקי בצאהלין. מיר האבען דאך גילערנט אז ער האט צוא גידעקט דיא גרוב אזוי וויא עס דארף זיין. אונ עס איז אריין גיפאלין אינווייניג אאקס אדער אאייזיל אונ איז גיהרגת גיווארין דארף מען ניט בצאהלין. האט אביי גיזאגט פון דאנען ווייס דאס רבי אליעזר. ווארום מיר האבען גילערנט רבי נתן זאגט פון וואנען ווייסין מיר אז א מענטש זאל ניט האלטען אשלעכטין הונט אין זיין שטוב. אונ ער זאל ניט שטעלין א שלעכטין לייטער אין זיין שטוב. ווארום עס שטייט אין פסוק דוא זאלסט ניט טאהן קיין בלוהט אין דיין הויז. אונ פון אשלעכטין הונט אונ א שלעכטין לייטער קען מען גיהרגת ווערין. אזוי טאר מען ניט האלטין א אקס וואס האט שוין דרייא מאהל גישטויסין. טאמער וועט ער הרגנן א מענטשין. נאר מען מוז אים שעכטין :

פרק חמישי

א אמר. רבי שמואל בר נחמני האט גיזאגט פון וואנען ווייסין מיר אז איינער וויל אויסציהען פון זיין חבר ולמשל ראובן מאנט געלט ביי שמעון. אונ שמעון זאגט ער איז ניט שולדיגו. דארף ראובן ברייגען עדות אדער איין אנדרע ריכטיגע בעווייזונג אז עס איז אמת אז אים קומט געלט ביי שמעון. אבער אז ראובן קען ניט בעווייזין. דארף שמעון ניט בצאהלין. ווארום עס שטייט אין פסוק מי בעל דברים יגש אליהם. ווער עס מאנט זאל גינעגען זיינע בעווייזונג צו דיא דיינים. האט רב אשי גיפרעגט דארף מען דען אויף דעם הפסוק. דאס פארשטייט מען אליין

אשי הא ל"ל קרא סברא הוא דכאיב ליה כאיבה אזיל לבי אסיא אלא קרא לכדר"נ אמר רבה בר אבוה דאמר מנין שאין נזקקין אלא לתובע תחלה שנאמר מי בעל דברים יגש אליהם יגיש דבריו אליהם אמרי נהרדעי פעמים שנזקקין לנתבע תחלה והיכי דמי דקא זילי נכסיה:

(דף מח ע"ב) ב **משנה** אדם שהיה מתכוין לחבירו והכה את האשה ויצאו ילדיה משלם דמי ולדות כיצד משלם דמי ולדות] שמין את האשה כמה היא יפה עד שלא ילדה וכמה היא יפה משילדה אמר רשב"ג (דף מט) א"כ משהאשה יולדת משבחת [אלא שמין את הולדות ונותן לבעל וכו'.

גמ'] מאי קאמר אמר (רב) [רבה] הכי קאמר וכי אשה משבחת קודם שתלד [יותר מלאחר שתלד] והלא אשה משבחת לאחר שתלד יותר מקודם שתלד אלא שמין את

שאין נזקקין אלא לתובע תחלה. כגון ראובן תובע משמעון מנה שהלוהו (בעדים או בשטר) ושמעון משיבו תפס ת משלי החזר לי מה שתפסת או משכון שיש בידך ונפחת מדמיו שנשתמשת בו בתחלה נזקקין לטענת ראובן ומוציאין לו מנה משמעון ואחר כך נזקקין לטענת שמעון לדון על דבר התפוס והמשכון: דקא זילי נכסיה. שיש כאן תגרים שיקנוהו בדמים יקרים ומחר ילכו להם א"נ שקרקעותיו זלות ע"י תביעה זו שרואין אותו דחוק ואם וליתא לו תפיסתו או משכונו ימכרם וישלם לו מהם:

מאי קאמר דמשמע דהכי קאמר ליה דא"כ לדידך אית לך משהאשה יולדת משבחת ות"ק הא קאמר דמפחתא: והלא אשה משבחת. בדמים לאחר שתלד דמתחלה דמיה פחותין לימכר שמסוכנת היא למות בצער לידה והכי משמע מתני' א"כ דכך שמין כדקאמרת אשכחת דלא יהיב ליה מידי דמשהאשה יולדת משבחת:

ווען עס טוהט וויא. דער גייט צום דאקטאר. נאר דעם פסוק דארף מען צו דער זאך וואס רב נחמן האט גיזאגט פון רבה בר אבוהם וועגין. פון וואנען ווייסין מיר אז פריער ענפערט מען דעם וואס מאנט פריער ולמשל ראובן זאגט צו שמעון גיב מיר דיא הונדערט גילדין וואס דוא האסט ביי מיר גיבארגט: אונ שמעון ענפערט דו האסט ביי מיר גיחאפט. גיב מיר צוריק וואס דו האסט ביי מיר גיחאפט. וועל איך דיר בצאהלין דיא הונדערט גילדין. ווייל ראובן האט פריער גימאנט נעמט מען פריער הונדערט גילדין פון שמעון אונ מען בצאהלט צוא ראובן. דער נאך קלערט מען אויף דיא טענה פון שמעון וואס ער זאגט אז ראובן האט ביי אים גיחאפט. ווארום עס שטייט אין פסוק מי בעל דברים יגש אליהם. ווער עס מאנט פריער זאל ער פריער גינגען זיינע טענות צוא בית דין. אונ בית דין זאל פריער פסקנן זיין דין. דיא חכמים פון נהרדעי זאגין אמאהל ענפערט מען פריער דעם וואס ווערט גימאנט. מען ענפערט פריער צו שמעון. אויב דיא זאכין וואס שמעון מאנט ווערין אלע טאג וועלוועלער. אדער היינט זענען דא סוחרים וואס ווילען קויפין דיא זאכין. אונ מארגין וועלין זייא אוועק פארין וועט שמעון שאדין האבען. ענפערט מען פריער צו שמעון אפ נעמען דיא זאכין פון ראובן. דער נאך ענפערט מען צו ראובן אפ צו נעמען זיין געלט פון שמעון:

ב משנה: אדם. אויב אמענטש האט גיוואלט שלאגין זיין חבר. דער ווייל איז דורך גיגאנגען אאשה. האט ער גישלאגין דיא אשה. אונ זיא הט מפיל גיווען אירע קינדער. דארף ער בצאהלין געלט פאר דיא קינדער. וויא בצאהלט מען דיא געלט פאר דיא קינדער. מען שאצט אפ דיא אשה וויא פיל איז זיא ווערט גיווען [אז מען וואלט איר פאר ק ויפען פר אדינסט] איידער זיא האט מפיל גיווען דיא קינדער. והאט דאך דער בעל הבית גירעכונט דיא קינדער וועלין אמאהל זיין קנעכט] . אונ וויא פיל איז זיא ווערט דער נאך וויא דיא קינדער זענען שוין גיבארין. מען האט זייא מפיל גיווען. וויא פיל זיא איז איצט וויינינגער ווערט: אזוי פיל דארף דער מענטש וואס האט איר גישלאגין בצאהלין: רבן שמעון בן גמליאל זאגט אויב מען שאצט אזוי אז אאשה האט שוין גיבארין דאס קינד ווערט זיא בעסער. נאר מען שאצט דיא קינדער אונ דאס גיט ער צום מאן. פרעגט דיא גמרא וואס זאגט רבן גמליאל. האט רבה גזאגט אזוי זאגט רבן גמליאל איז דען אאשה וואס איז מעוברת מער ווערט איידער זיא האט גיבארין דאס קינד וויא זיא איז ווערט דער נאך וויא זיא האט שוין גיבארין דאס קינד. עס איז דאך פאר קערט אאשה איז מער ווערט דער נאך וויא זיא האט שוין גיבארין דאס קינד. וויא זיא איז

את הולדות ונותנין לבעל:

(דף נ) ג ת"ר מעשה בבתו של נחוניא חופר שיחין שנפלה לבור גדול באו והודיעו את רבי חנינא בן דוסא שעה ראשונה אמר להם שלום שניה אמר להם שלום שלישית אמר להם עלתה אמרו לה מי העלך אמרה להם זכר של רחלים נזדמן לי וזקן אחד מנהיגו אמרו לו נביא אתה אמר להם לא נביא אנכי ולא בן נביא אנכי אלא כך אמרתי דבר שאותו צדיק מצטער בו יכשל בו זרעו א"ר אחא אעפ"כ מת בנו בצמא שנא' (תהלים נ) וסביביו נשערה מאד מלמד שהקב"ה מדקדק עם חסידיו אפילו כחוט השערה ר' נחוניא אומר מהכא (שם פט) אל נערץ בסוד קדושים רבה ונורא על כל סביביו. א"ר חנינא כל האומר הקב"ה ותרן הוא יותרו חייו שנאמר הצור

הופר ומוסר במרות לרבים ועולי רגלים שיהנו מהם: שעה ראשונה. שעדיין היא ראויה להיות חיה בתוך המים: אמר להם שלום. העלה זכן שמים: שלישית. דהוה לה שהות שתלא נפשה אם ישנה שם: אמר להם כבר עלתה. ודאי כדאמרינן לקמן דפשיטא ליה דלא המות שם: זכר של רחלים. אילו של יצחק: וזקן מנהיגו. זה אברהם: מצטער בו. לחפור בורות ומערות לעולי רגלים: עם סביביו. לצדיקים הדבקים בו: נשערה מאד. כ' חוט השערה: ונורא על כל סביביו. מפיל אימת משפטו עליהם: ותרן. לעבור על כל פשעים: יותרו חייו. יופקרו חייו וגופו שמורה

ווערט געווען איידער זיא האט געבארין דאס קינד. ווארום אז זיא איז געווען מעוברת איז זיא געווען אין אסכנה טאמער וועט זיא שטארבין ביא דעם קינד האבען. דריבער פרעגט רבן שמעון בן גמליאל אויב מען וועט אזו שאצין וויא דיא משנה זאגט וועט ער גאר ניט דארפין געבין. ווארום אאשה איז ווערט נאך דעם געבארין דאס קינד מער וויא זיא איז ווערט געווען ומיט דיא קינדער וואס זיא האט געהאט אין בויך איידער זיא האט זייא געבארין. נאר מען שאצט די קינדער וויא פיל זייא זענען ווערט געווען אז זייא וואלטין געלעבט. אונ דאס געלט גיט מען דעם מאן:

ג תנו רבנן. דיא רבנן האבען גילערונט עס איז געווען איינער נחוניא וואס ער פלעגט גראבין ברונענס אין וועג. אז דיא יודין וועלין גיין אויף יום טוב אין ירושלים. זאלין זיי האבען אין וועג וואסער צוא טרינקען; האט אמאהל גיטראפען אז דיא טאכטער פון דעם נחוניא איז אריין גיפאלען אין אגרויסען ברונען. האט מען דאס גזאגט צוא רבי חנינא בן דוסא; דיא ערשטע שעה האט רבי חנינא גזאגט עס איז שלום. זיא וועט ארויף קומען. דיא אנדערע שעה האט אויך רבי חנינא גזאגט עס איז שלום. זיא וועט ארויף קומען. דיא דריטע שעה האט רבי חנינא גזאגט זיא איז שוין ארויף גיקומען; האט מען גיפרעגט ביא איר ווער האט דיך ארויף גינומען פון גרוב. האט זיא גזאגט עס איז גיקומען אאלטער מאן וואס האט געפירט אזכר פון שעפסין (דאס איז געווען אברהם אבינו ער האט געפירט דעם איל פון יצחק) האט ער מיך ארויס גענומען פון גרוב; מען האט גזאגט צו רבי חנינא ביסטו דען אנביא וואס דוא האסט גיוואוסט ווען זיא איז ארויס גיגאנגען פון גרוב. האט רבי חנינא צוא זייא גזאגט איך בין ניט קיין נביא אונ איך בין ניט אזוהן פון אנביא. נאר אזוי האב איך גזאגט דיא זאך וואס דער צדיק האט פון איר צער גיהאט. זאלין זיינע קינדער אין דעם גישטרויכלט ווערין. דער צדיק נחוניא האט אזוי פיל צער גיהאט צוא גראבין דיא ברונענס. זאלין זיינע קינדער אין אברונען גישטרויכלט ווערין אונ שטארבין. דאס קען ניט זיין; רבי אחא זאגט פון דעסטוועגין איז אזוהן פון רבי נחוניא גישטארבין פון דארשט. ווארום עס שטייט אין פסוק וסביביו נשערה מאוד. די צדיקים וואס זענען ארום גאט ווערין גישטראפט אויף אהאר. גאט שטראפט זיינע חסידים אפילו אויף אעבירה וואס איז דין וויא אהאר. רבי נחוניא זאגט פון דעם פסוק אל נערץ בסוד קדושים רבה ונורא על כל סביביו. גאט איז שטארק אין דער פערזאמלונג פון פיל הייליגע מלאכים. אונ פארכטיג איז ער אויף אלע צדיקים וואס ארום אים זענען. רבי חנינא זאגט דער וואס זאגט גאט שווייגט אויף דיא עבירות וואס מען טוהט. וועט גישווייגט ווערין זיין לעבין. זיין לעבין וועט זיין פריי אונ ווער עס וועט וועלין וועט זיין לעבין צו נעמן; ווארום עס שטייט אין פסוק

(דברים לב) הצור תמים פעלו כי כל דרכיו משפט יז"ר חנא ואיתימא ר' שמואל בר נחמני מ"ד (שמות לד) ארך אפים ולא כתיב ארך אף ארך אפים לצדיקים ולרשעים:

ד ת"ר לא יסקל אדם מרשותו לרה"ר מעשה באדם אחד שהיה מסקל מרשותו לרה"ר ומצאו חסיד אחד א"ל ריקה מפני מה אתה מסקל מרשות שאינה שלך לרשות שלך לגלג עליו לימים נצרך למכור שדהו והיה מהלך באותו רה"ר ונכשל באותם אבנים אמר יפה אמר לי אותו החסיד מפני מה אתה מסקל מרשות שאינה שלך לרשות שלך:

(דף נב) ה דרש ההוא גלילאה עליה דרב חסדא כדרגיז רעיא על ענא עביד לנגידא סמייתא:

(דף נד ע"ב) ו שאל רבי חנינא בן עגיל לרבי חייא בר אבא מפני מה בדברות הראשונים לא נאמר בהם טוב ובדברות האחרונים נאמר

אל הבריות להטות: ארך אף. משמע מאריך רוגז וממתין מליפרע: ארך אפים. משמע שני רצונים א' של טובה וא' של רעה: לצדיקים. מלשלם שכר טוב לאלתר: ולרשעים. מליפרע מהם לאלתר:

לא יסקל. לפנות אבנים: מרשות שאינה שלך. סופו עתיד אתה למוכרם: לרשות שלך. רה"ר כל ימי חייו הוא שלו: לגלג עליו. לא היה מכיר טעמו של דבר:

עביד לנגידא סמייתא. לעז המושכת מקור עינית ונכשלת ומופלה בבורות והעדר אחריה כך כשהמקום נפרע מסורחי ישראל ממנה להם פרנסים שאינם מהוגנים: נאמר בהן טוב. גבי כבוד אב ואם דכתיב למען ייטב לך: ופתח בו טי"ת שבלוחות ראשונים

דער בעשעפער זיין ווערק איז גאנץ זיינע אלע וועגין איז מיט דין. רבי חנא האט גזאגט אנדערע זאגין רבי שמואל בר נחמני האט גזאגט עס שטייט אין פסוק ארך אפים ער דער לייגערט צוויי כעסין. עס דארף דאך שטיין ארך אף. ער דער לייגערט דעם כעס. נאר אזוי מיינט מען ארך אפים. גאט דער לייגערט צוויי ערליי ווילונס. ער דער לייגערט זיין ווילען צוא די צדיקים. ער בצאהלט ניט באלד זייער שכר. נאר ער ווארט ביז צוא עולם הבא. אונ ער דער לייגערט זיין ווילען צו די רשעים. ער שטראפט זייא ניט באלד; נאר ער ווארט ביז זייא שטארבין שטראפט ער זייא אין גיהנם:

ד תנו רבנן: אמענטש זאל ניט ארויס ראמען דיא שטיינער פון זיין פעלד אונ ווארפין אין דיא גאס. עס האט אמאהל גיטראהען אמענטש האט אויס געראמט דיא שטיינער פון זיין פעלד אונ האט זייא גיווארפען אין גאס. האט אים גיטראפען אחסיד אונ האט גזאגט צו אים דוא נאר פאר וואס נעמסטו ארויס דיא שטיינער פון דעם ארט וואס ער איז ניט דיינער. אונ דוא ווארפסט זייא אויף אזוי אארט וואס ער איז דיינער. האט דער מענטש געלאכט פון דעם חסיד. אין אצייט שפעטער האט דער מענטש גידארפט פאר קויפען זיין פעלד. אונ ער איז גיגאנגען אין דער גאס וואו ער האט גיווארפען דיא שטיינער. אונ ער איז ג שטרויכעלט גיווארין אונ איז גיפאלען דורך זיינע שטיינער וואס ער האט גיווארפען אין גאס. האט ער גזאגט אמת האט מיר גזאגט דער חסיד פאר וואס נעמסטו דיא שטיינער פון אזוי אארט וואס ער איז ניט דיינער אונ ווארפסט זיי אויף אארט ווס ער איז אייביג דיינער. די גאס גיהער דאך אייביג צוא אלע מענטשין:

ה דרש. איינער פון גליל האט גידרשת פאר רב חסדא אז דער פאסטוך ווערט אין כעס אויף דיא שעפסין מאכט ער בלינד דעם שעפס וואס גייט פאר אויס. זעהט ער ניט וואו צו גיין. פאלט ער אריין אין אגרוב. פאלען אלע אריין אין דיא גרוב. אזו אז גאט ווערט אין כעס אויף די יודין מאכט ער אויף זייא עלצטע וואס זענען רשעים. אונ זייא פירען דיא יודען אין שלעכטין וועג:

ו שאל. רבי חנינא בן עגיל האט גיפרעגט ביי רבי חייא בר אבא פאר וואס ביא דיא ערשטע עשרת הדברות וואס עס שטייט אין דיא סדרה יתרו שטייט ניט למען ייטב לך. ביא כבד את אביך ואת אמך. ביא דיא אנדערע עשרת הדברות וואס עס שטייט אין דיא סדרה ואתחנן שטייט יא למען ייטב לך ביי כבד את אביך ואת אמך. האט רבי חייא גזאגט צוא רבי

נתגלה נסורה מאמרם לטובה : ססלר . מיכה א גנזה כהלוהו .

(דף נה) נא' בהם טוב א"ל עד שאתה שואלני למה נאמר בהם טוב שאלני אם נא' בהם טוב אם לאו שאיני יודע אם נאמר בהם טוב אם לאו כלך אצל ר' תנחום בר חנילאי שהיה רגיל אצל ריב"ל שהיה בקי באגדה אזיל לגביה . א"ל כמנו לא שמעתי אלא כך אמר לי שמואל בר נחום אחי אמו של רבי אחא בר חנינא ואמרי לה אבי אמו של רבי אחא בר חנינא הואיל וסופן להשתבר [וכי סופן להשתבר] מאי הוי אמר רב אשי חס ושלום פסקה טובה מישראל . א"ר יהושע (בן לוי) הרואה טי"ת בחלומו סימן יפה לו מאי טעמא איליכא משום דכתיב טוב אימא (ישעיה יד) וטאטאתיה בטאטא השמד , חד טי"ת קאמרינן , איכא (איכה א) טומאתה בשוליה טי"ת בי"ת קאמרינן אימא (שם ב) טבעו בארץ שעריה אלא הואיל ופתח בו הכתוב לטובה תחלה שמבראשית עד וירא אלהים את האור לא כתיב טי"ת וא"ר יהושע ב"ל הרואה הספר בחלומו חסו עליו מן השמים ופראוהו וחני מילי בכתבא :

ז **אמר** שמואל אווז ואווז הבר כלאים זה בזה מתקיף לה רבא בר רב חנן מ"ט איליכא משום דהאי

תנינא איידער דוא פרעגסט מיך פאר וואס שטייט ביי דיא אנדערע עשרת הדברות למען ייטב לך. פרעג מיך אויב עס שטייט בייא די אנדערע דברות למען ייטב לך. אדער ניין. וואראום איך וייס גאר ניט אויב עס שטייט ביי דיא אנדערע דברות למען ייטב לך. אדער עס שטייט ניט. גיי צוא רבי תנחום בר חנילאי ער פלעגט זיין אלע מאהל ביי רבי יהושע בן לוי וואס ער וייס די דרשות פון פסוקים. וועט ער דיר זאגין. איז רבי חנינא גינאנגען צוא רבי תנחום. האט רבי תנחום גזאגט צוא רבי חנינא פון רבי יהושע בן לוי האב איך דאס ניט גיהערט. נאר אזוי האט מיר גזאגט שמואל בר נחום דער ברודער פון רבי אחא בר חנינאס מוטער. אנדערע זאגין דער פאטער פון רבי אחא בר חנינאס מוטער. ווייל גאט האט גיוואוסט אז דיא ערשטע לחות וועלין צוא בראכען ווערין. דריבער האט מען ניט געשריבען אין זייא למען ייטב לך. פרעגט די גמרא צוא ווייל זייא וועלין צוא בראכען ווערין, ריבער שטייט ניט למען ייטב לך. האט רב אשי גזאגט ווען עס וואלט גישטאנען למען ייטב לך אונ דיא לחות וועניך צוא בראכען גיווארין. וואלט אפ גיבראכען גיווארין דיא גוטס פון דיא יודין. דריבער האט מען אין דיא ערשטע לחות ניט גישטעלט למען ייטב לך. נאר אין דיא אנדערע לחות וואס זענען געבליבען גאנץ האט מען גישטעלט למען ייטב לך. רבי יהושע בן לוי זאגט דער וואס זעהט אטי"ת אין חלום. איז אגוטער סימן. פרעגט דיא גמרא פר וואס איז אגוטער סימן. זאלין מיר זאגין ווייל טי"ת לייענט מען טוב. מען קען דאך לערנען טאטאתיה. במטאטא השמד. איך וועל זיא אויס קערין מיט אבעזים פון פאר טיליגונג. ענטפערט דיא גמרא אים האט מען דאך געוויזען אין חלום איין טי"ת. מאכט דאס טוב. אבער טאטאתיה אדער מטאטא איז דאך צוויי טי"ת'ן. פרעגט דיא גמרא טאמער האט מען גימיינט טומאתה בשוליה. ענטפערט דיא גמרא מען מיינט ער האט גיזעהן אין חלום אטי"ת מיט אבי"ת. מאכט דאס טב. גוט. פרעגט דיא גמרא טאמער מאכט דאס טבעו בארץ שעריה. ענטפערט דיא גמרא אפילו ער זעהט אטי"ת אליין איז דאס אויך צוא גוטען. ווייל דער ערשטער טי"ת וואס שטייט אין דיא תורה איז צו גוטען. וואראום פון בראשית ביז וירא אלהים את האור איז ניטא קיין טי"ת. אונ דער ערשטער טי"ת הייבט זיך אן מיט טוב. נאך האט רבי יהושע בן לוי גזאגט אז ער זעהט אין חלום דעם ווארט הספר געשריבען. איז דאס צוא גוטען. דס מאכט חסו עליו מן השמים ופראוהו. מען האט אויף אים רחמנות גיהאט פון הימעל אונ מען האט אים אויס גילייזט. אבער נאר אז ער זעהט דעם ווארט הספר געשריבען:

ז אמר. שמואל האט גזאגט אגאנדז אונ אווילדע גאנדז זענען צוויי מינים. האט רבא בר רב חנן גיפרעגט פאר וואס זענען זייא צוויי מינים. מיר זאלין זאגין ווייל דער האט אלאנגע האלז

דהאי אריך קועיה והאי זוטר קועיה אלא מעתה גמלא פרסא וגמלא טייעא דהאי אלים קועיה והאי קטי קועיה ה"נ דהוו כלאים זה בזה אלא אמר אביי זה ביציו מבחוץ וזה ביציו מבפנים רב פפא אמר הא טעונה חדא ביעתא בשיהלא והא טעונה כמה ביעתא בשיהלא:

קועיה. תרגומו בי"ק בלנז: טייעא. ערבי: אלים קועיה. גולגו עב: קטין. דק: ביציו מבחוץ. כיצי הזכרות נכרין כגוון הבר מבחוץ: בשיהלא. בטעינס אחת או ז סבר אינו טוען ביצים עד שתולד הראשונה:

הבונס פרק ששי

פטור מדיני אדם. דסבר גרמא בנזקין פטור: הפורץ גדר. ויצאת הבהמה וברחה: הכופף קמתו. לצד הדליקה כדי שתבער בה האש:

מכאני אוכמי. מנהג הבנים: כופרא. בזמרים כבוסר

(ע"ב) **א תניא** א"ר יהושע ד' דברים העושה אותם פטור מדיני אדם וחייב בדיני שמים ואלו הן הפורץ גדר בפני בהמת חברו והכופף קמתו של חברו בפני הדליקה והשוכר עדי שקר להעיד והיודע עדות לחברו ואינו מעיד לו:

(דף נט) **ב (אלעזר)** [אליעזר] זעירא (ע"ב) הוה סיים כסאני אוכמי (והוה אזיל) [וקאי] בשוקא דנהרדעא אשכחוהו דבי ריש גלותא ואמרי ליה מאי שנא הני מסאני אמר להו דקא מאבילנא אירושלים א"ל את (חשיבת) [חשיבא] לאתאבולי אירושלים סבור יוהרא הוא אתיוהו וחבשיהו אמר להו גברא רבא אנא אמרו ליה מנא ידעינן אמר להו או אתון בעו מינאי מלתא או אנא איבעי מינייכו מלתא אמרו ליה בעי את

און דער אקורצע האט. דארף דאך זיין אקעמל פון פערסיע און אקעמל פון טירקיי אויך צוויי מינים: ווארום דער האט אגראבע האלז און דער אדינע האלז. האט אביי גזאגט אוילדע גאנדז אזכר זענען זיינע אייער פון אויס ווייניג. און אפראסטע גאנדז אזכר זענען זיינע אייער אינווייניג. רב פפא זאגט אווילדע גאנדז אנקבה טראגט פריער איין איי. און אז די איי ווערט געבארין: טראגט זיא נאך אאיי. און אפראסטע גאנדז אנקבה טראגט עטליכע אייער מיט איין מאהל:

פרק ששי

א תניא. מיר האבען געלערנט רבי יהושע זאגט פיר זאכין זענען דא דער וואס טוהט זייא. פון בית דין איז ער פטור. בית דין קענען אים ניט הייסין ער זאל בצאהלין. אבער גאט הייסט ער זאל בצאהלין. דאס זענען דיא פיר זאכין איינס איז אז ער ברעכט אויס אוואנט פון זיין חברס אשטאל און זיין חברס בהמה איז ארויס געגאנגען און איז אנטלאפין און מען ווייסט ניט ווא זיא איז. דאס אנדערע איז. אז ער האט גינומען זיין חברס שטייענדיגע תבואה און האט זייא איינגיבויגין צו אפייער און זייא זענען פאר ברענט געווארין. דאס דריטע איז. ער האט גידונגען פאלשע עדות און זייא האבען עדות גיזאגט אז ראובן האט גיבארגט געלט ביי שמעון: דאס פערטע איז. אז איינער ווייסט עדות צו זאגין פאר זיין נבר און דורך זיינע עדות וואלט דער חבר גיקענט אפ נעמען זיין געלט וואס אים קומט ביי איינעם. און ער האט ניט גיוואלט עדות זאגין. און זיין חבר האט ניט אפ גינומען זיין געלט. האט ער אים שאדין גיטאהן:

ב אלעזר זעירא האט אן גיטאהן שווארצע שיך און איז גישטאנען אין דיא גאס פון נהרדעא. דיא מענטשין פון ריש גלותא האבען אים גיטראפין שטייענדיג. האבען זייא גיזאגט צו אים פאר וואס גייסטו אין שווארצע שיך ווארום פארצייטין פלעגין אלע גיין אין ווייסע שיך. האט אלעזר גיזאגט ווייל איך טרויער אויף ירושלים. האבען דיא מענטשין פון ריש גלותא גיזאגט צו אלעזר: ביסטו דען אזוי אגרויסער צדיק וואס דו טרויערסט אויף ירושלים. זייא האבען גימיינט דאס איז נאר אגרויסקייט. האבען זייא אים גינומען און האבען אים גיבונדען: האט אלעזר צו זייא גיזאגט איך בין אגרויסער למדן. האבען זייא גיזאגט צו אים פון וואנען

את אמר להו האי מאן דקץ כופרא מאי משלם אמ־ו ליה משלם דמי כופרא והא הוו תמרי (אלא) [אמרו ליה] משלם דמי תמרא אמר להו והא לאו תמרי שקיל מיניה אמרו ליה אימר לן את אמר להו בששים אמרו ליה מאן אמר כוותיך אמר להו הא שמואל הי ובית דינו קיים שדרו קמיה דשמואל אמר להו שפיר קאמר לכו בששים ושבקוהו:

כבוסר בענבים: דמי כופרא. היינו כלוס ומכ״כ עכשיו: והא הוו תמרי. לאחר זמן: גס׳. עס סקרקע דהכל בכלל שסקונה קרקע בפירותיס נותן עיניו קנת בבכת שלאחר זמן:

(דף ס) ג א״ר שמואל בר נחמני א״ר יונתן אין פורענות באה לעולם אלא בזמן שהרשעים בעולם ואינה מתחלת אלא מן הצדיקים תחלה שנאמר (שמות כב) כי תצא אש ומצאה קוצים אימתי אש יוצאה בזמן שהקוצים מצויין לה ואינה מתחלת אלא מן הצדיקים תחלה שנא׳ ונאכל גדיש (ואבל) [ויאכל] גדיש לא נאמר אלא ונאכל גדיש שנאכל גדיש כבר. תני רב יוסף מ״ד (שם ב) ואתם לא תצאו איש מפתח ביתו עד בקר כיון שניתן רשות למשחית אינו מבחין בין צדיקים לרשעים ולא עוד אלא שמתחיל מן הצדיקים תחלה

ווייסין מיר אז דו ביסט אלמן. האט אלעזר צו זייא געזאגט אדער איר זאלט פרעגן בייא מיר אזאך. אדער איך וועל פרעגן פון אייך אזאך. האבען זייא געזאגט צוא אלעזר פרעג דו. האט אלעזר צו זייא געזאגט דער וואס האט אפ געהאקט אומצייטיגע טייטלען וואס זאל ער בצאהלין. האבען זייא געזאגט צו אים ער בצאהלט וויא פיל די אומצייטיגע טייטלען זענען ווערט געווען. האט אלעזר געזאגט זייא וואלטין דאך געווארין צייטיגע טייטלען וואלטין זייא דאך מער ווערט געווען. האבען זייא געזאגט צו אלעזר ער בצאהלט וויא פאר צייטיגע טייטלען. האט אלעזר צו זייא געזאגט ער האט דאך ניט גענומען פון אים צייטיגע טייטלען. פאר וואס זאל ער צאהלין פאר צייטיגע טייטלען. האבען זייא געזאגט צו אלעזר זאג דו וויא פיל זאל ער בצאהלין. האט אלעזר צו זייא געזאגט מען שאצט מיט זעכציג בוימער: אז איינער וואלט געקויפט אפעלד מיט זעכציג טייטל בוימער וואס אויף זייא איז דא אומצייטיגע טייטלען. וויא פיל עס איז בצאהלט פאר די טייטלען פון איין בוים. אזוי פיל זאל ער אים בצאהלין פאר די טייטלען וואס ער האט אפ געהאקט. האבען זייא געזאגט צו אלעזר ווער זאגט אזוי וויא דו. האט אלעזר צו זייא געזאגט שמואל לעבט און זיין בית דין לעבט אויך: האט מען געשיקט פרעגן בייא שמואל וויא דער דין איז. האט שמואל צו זייא געזאגט אלעזר האט אייך גוט געזאגט אז מען שאצט מיט זעכציג בוימער. האבען זייא אפ געלאזט דעם אלעזר זעירא:

ג אמר. רבי שמואל בר נחמני האט געזאגט פון רבי יונתן ווען קיין שטראף קומט ניט אויף דער וועלט. נאר ווען רשעים זענען דא אויף דער וועלט. און די שטראף הייבט נאר אן פון די צדיקים. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אז עס וועט ארויס גיין אפייער און זיא וועט טרעפין דערנער. ווען עס איז דא דערנער ווען גייט ארויס אפייער פון גאט צו שטראפין די וועלט. נאר אז עס איז דא דערנער. (רשעים) און די שטראף הייבט אן נאר פון צדיקים. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ונאכל גדיש. עס שטייט ניט ויאכל גדיש. ער וועט פאר ברענען דעם שייער. נאר עס שטייט ונאכל גדיש. דער שייער איז שוין לאנג פאר ברענט געווארין. נאך איידער די דערנער ברענען. ודאס מיינט מען די צדיקים זענען פריער געשטראפט געווארין. נאך איידער דער שטראף האט אן געהויבין בייא די רשעים). רב יוסף האט געלערנט עס שטיט אין פסוק ווען גאט האט געהרגת די בכורים פון מצרים האט ער געזאגט צו די יודין) איר זאלט ניט ארויס גיין קיין מענטש פון די טיר פון זיין שטוב ביז פרייא. ווארום ווייל עס איז געגעבין געווארין ערלויבנים צו דעם פאר דארבער ער זאל ברגנן. קוקט ער נאר ניט אויף צדיקים אדער רשעים. נאר וועמען ער טרעפט הרגת ער. דריבער האט מען געהייסין אלע יודין זאלין זיין איז דא שטובין. נאך מער טוהט דער פארדארבער

התחלה שנאמר (יחזקאל כא) והכרתי ממך צדיק ורשע בכי רב יוסף כולי האי נמי לאין דומין א"ל אביי טיבותא הוא לגבייהו דכתיב (ישעיה נז) כי מפני הרעה נאסף הצדיק א"ר יהודה אמר רב (ע"ג) לעולם יכנס אדם בכי טוב ויצא בכי טוב שנא' (שמות יב) ואתם לא תצאו איש מפתח ביתו עד בקר . ת"ר דבר בעיר כנס רגליך שנאמר ואתם לא תצאו איש מפתח ביתו עד בקר ואומר (ישעיה כו) לך עמי בא בחדריך וסגור דלתיך בעדך ואומר (דברים לב) מחוץ תשכל חרב ומחדרים אימה מאי ואומר וכ"ת ה"מ בליליא אבל ביממא לא ת"ש לך עמי בא בחדריך וסגור דלתיך וכ"ת ה"מ היכא דליכא אימה מגואי אבל היכא דאיכא אימה מגואי כי נפיק יתיב ביני אינשי בצוותא דעלמא טפי מעלי ת"ש מחוץ תשכל חרב ומחדרים אימה אע"ג דמחדרים אימה מחוץ תשכל הרב . רבא בעידן ריתחא הוה

סבר

ה"ג כולי האי נמי לאין דומין . כלומר להכל חשובים הצדיקים שקודמין לפורענות : טיבותא הוא . שלא יראו ברעה העתידה לבא דכתיב וכו' : בכי טוב . בעוד חמה זורחת ילין במלון ולא ימתין עד שתחשך ולבקר לא ישכים לצאת עד שיאיר : כי טוב . לישנא מעליא האור כי טוב כלומר טוב הוא לצאת בו ולהכנס בו מפני המזיקים והלסטים : חרב . חרבו של מלאך המות : אימה . אימת מות של מלאך ולא בגלוי כל כך : ריתחא .

ער הייבט אן צו זאגן די צדיקים פריער . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק איך וועל פארשניידן פון דיר א צדיק אונ א רשע . פריער דעם צדיק דער נאך דעם רשע. רב יוסף האט געוויינט אזוי פיל זאל מען ארבעטין אין תורה אונ אין מצות . דער נאך זענען די צדיקים גלייך צו גאר נישט ; ווארום זיי ווערין געשטראפט פריער וויא די רשעים. האט אביי געזאגט צו רב יוסף דאס איז א טובה פאר די צדיקים וואס זיי שטארבין פריער אזוי וויא עס שטייט אין פסוק כי מפני הרעה נאסף הצדיק . דער צדיק שטארבט פריער ער זאל ניט זעהן די שלעכטס וואס עס וועט קומען אויף דער וועלט . רב יהודה האט געזאגט פון רבס וועגין אז א מענטש גייט אדער ער פארט אין וועג זאל ער נישט גיין אונ נישט פארין ביי נאכט . נאר ער זאל אריין גיין אין א גאסט הויז ווען עס איז נאך ליכטיג ווען די זוהן שיינט נאך אונ ער זאל ניט אוועק גיין פון נאכט הויז אין דער פריא . ביז די זוהן וועט אויף שיינען . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק משה האט געזאגט צו די יודין אין מצרים קיין מענטש פון אייך זאל ניט ארויס גיין פון די טיר פון זיין שטוב ביז עס וועט ווערין טאג , די רבנן האבען געלערנט אז עס איז א מגפה אין שטאט זאלסטו איין זאמלען דיינע פיס אין שטוב . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק משה האט געזאגט צו די יודין אין מצרים קיין מענטש פון אייך זאל ניט ארויס גיין פון די טיר פון זיין שטוב ביז עס וועט ווערין טאג . ווייל ביי נאכט איז געווען א מגפה אין מצרים . נאך זאגט דער פסוק גיי מיין פאלק קום אין דיינע שטובין אונ פארשליס דיינע טירען פון דיינעטוועגין . נאך זאגט דער פסוק אויף די גאס הרגת דער שווערד פון מלאך המות אונ אין די שטובין איז די מורא פאר דעם מלאך המות . פרעגט די גמרא מיר ווייסין דאך שוין פון דעם פסוק פון מצרים אז מען דארף זיין אין שטוב ווען עס איז א מגפה . צוא וואס ברייגגט מען נאך א פסוק . נאר פון מצרים וואלטין מיר מיינען אז נאר ביי נאכט דארף מען זיין אין שטוב . אבער ניט ביי טאג . דריבער ברייגגט מען דעם אנדערין פסוק גייא מיין פאלק קום אין דיינע שטובין אונ פאר שליס דיינע טירען . אפילו ביי טאג אויך . נאר טאמער וועסטו זאגין ווען דארף מען זיין פארשלאסין אין שטוב . ווא אין שטוב איז ניטא קיין מורא . אבער אז אין שטוב איז אויך דא א מורא . וואלט איך זאגין אז ער וועט גיין אין גאס זיצען צווישען מענטשין ער זאל פרייליכער ווערין איז בעסער . דריבער ברייגגט מען דעם דריטען פסוק . אין די גאס הרגת דער שווערד פון מלאך המות . אונ אין שטוב איז דא די מורא פון מלאך המות . אזוי מיינט דער פסוק אפילו אין שטוב איז אויך דא א מורא פון מלאך המות . פון דעסטוועגין זאל מען זיצען אין שטוב . ווייל אין גאס הרגת דער שווערד פון מלאך המות ; איז אלע מאהל אין גאס ערגער וויא אין שטוב . ווען עס איז געווען א כעס פון ג-ט אונ עס איז געווען א מגפה . פלעגט רבא פארמאכין די

סבר כוי דכתיב (ירמיה ט) כי עלה מות בחלונינו. ת"ר רעב בעיר פזר רגליך שנא' (בראשית יב) ויהי רעב בארץ וירד אברם מצרימה לגור שם ואומר (מ"ב ז) אם אמרנו נבא העיר והרעב בעיר ומתנו שם מאי ואומר וכ"ת ה"מ היכא דליכא ספק נפשות אבל היכא דאיכא ספק נפשות לא ת"ש (שם) לכו ונפלה אל מחנה ארם אם יחיונו נחיה. ת"ר דבר בעיר אל יהלך אדם באמצע הדרך מפני שמלאך המות מהלך באמצע הדרכים דכיון דיהיבא ליה רשותא מסגי להדיא. שלום בעיר אל יהלך אדם בצדי דרכים דכיון דלית ליה רשותא מחבא חבוי ומסגי. ת"ר דבר בעיר אל יכנס אדם יחידי לבית הכנסת שמלאך המות מפקיד שם כליו. וה"מ היכא דלא קרו ביה דרדקי ולא מצלו ביה עשרה. ת"ר כלבים בוכים מלאך המות בא לעיר כלבים משחקים אליהו [הנביא] בא לעיר. וה"מ דלית בהו נקבה:

דבר: ככר. כוי כתם הלטנות: אם אמרנו וגו'. בד' אנשים מצורעים: דליכא ספק נפשות. במקום שיגלה שם: ת"ש. מיפיה דקרא ועתה לכו ונפלה אל מחנה ארם גו': דלית בהו נקבה. דכתם משום נקבה סוא דעבדי:

ד יתיב רב אמי ורב אסי קמיה דרבי יצחק נפחא מר א"ל לימא מר שמעתתא ומר א"ל לימא מר אגדתא פתח למימר אגדתא ולא שביק מר פתח למימר שמעתתא ולא שבק

פעןסטער. ווייל עס שטייט אין פסוק דער טויט איז אויף גיגאנגען אין אונזערע פענסטער. די רבנן האבען גילערונט אז עס איז אהו נגער אין שטאט זאלסטו פארשפרייטן דיינע פיס. זאלסטו אוועק גיין פון די שטאט. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק עס איז גיוועזן אהונגער אין לאנד האט אברם גענידערט אין מצרים צו וואהנען דארטין. נאך זאגט דער פסוק די פיר קרעציגע מענטשין האבען גיזאגט אויב מיר וועלין זאגין מיר וועלין אריין קומען אין שטאט איז אהונגער אין שטאט וועלין מיר דארט שטארבין. צו וואס ברייגגט מען דעם אנדערין פסוק. נאר טאמער העסטו זאגין ווען זאל מען אנטלויפין פאר דעם הונגער. אז ער וועט קענען קומען אויף אזיכערין ארט; אבער אז ער וועט קומען אויף דעם ארט ווא עס איז ניטא דער הונגער. איז ער אין אסכנה טאמער וועט מען אים הרגנן. זאל ער ניט לויפין צו דעם ארט. נאר ער זאל זיצען אין די שטאט ווא דער הונגער איז. שטייט אין פסוק די קרעציגע האבען גיזאגט איידער מיר זאלין קומען אין שטאט וואס דארט איז אהונגער. וועלין מיר בעסער גיין צו די מחנה ארם. אפילו אין די מחנה ארם זענען מיר אין סכנת נפשות. פון דעסטוועגין וועלין מיר אהין גיין טאמער וועלין זייא אונז לאזין לעבין. די רבנן האבען גילערונט אז עס איז אמגפה אין שטאט זאל אמענטש ניט גיין אין מיטען גאס. ווייל דער מלאך המות גייט אין מיטען גאס. ווייל ער האט ערלויבנים צו הרגנן גייט ער פרייא אין מיטען גאס. ווען עס איז שלום אין שטאט. זאל אמענטש ניט גיין אין די זייטין פון גאס. ווייל דער מלאך המות האט ניט קיין ערלויבנים צוא הרגנן בעהאלט ער זיך אונ גייט בייא דער זייט. די רבנן האבען גילערונט ווען עס איז אמגפה אין גיקומען אין אשטאט זאל אמענטש ניט אריין גיין אליין אין אשוהל. ווייל דער מלאך המות בעהאלט דארט זיינע כלים. דאס איז נאר אויב אין די שוהל לערנען ניט קיין קליינע קינדער. אונ עס דאווענען ניט צעהן מענטשין. אבער אז אין די שוהל לערנען קליינע קינדער אדער עס דאווענען צעהן מענטשין. אין די שוהל קומט ניט דער מלאך המות מעג מען אין איר אריין גיין אליין. די רבנן האבען גילערונט אז הינט וויינען איז אסימן אז דער מלאך המות איז גיקומען אין שטאט. אז הינט פרייען זיך איז אסימן אז אליהו הנביא איז גיקומען אין שטאט. נאר אז עס איז ניטא אנקבה צווישען זייא. די אלע הינט וואס דארט שטייען זענען אלע זכרים. אבער אז צווישען זייא איז דא אהונט אנקבה. פרייען זייא זיך מיט די נקבה. אבער אליהו איז גאר נישטא אין שטאט:

ד יתיב. רב אמי אונ רב אסי זענען גיזעסין פאר רבי יצחק נפחא. איינער האט גיבעטין

שביק מר אמר להם אמשול לכם משל למה הדבר דומה לאדם שיש לו שתי נשים אחת ילדה ואחת זקנה ילדה מלקטת לו לבנות זקנה מלקטת לו שחורות נמצא קרח מכאן ומכאן אמר להם אי הכי אימא לכו מלתא דשויא לתרוייכו (שמות כב) כי תצא אש ומצאה קוצים תצא מעצמה שלם ישלם המבעיר את הבערה אמר הקב"ה עלי לשלם את הבערה שהבערתי אני הצתי אש בציון שנאמר (איכה ד) ויצת אש בציון ותאכל יסודותיה ואני עתיד לבנותה באש שנא' (זכריה ב) ואני אהיה לה חומת אש סביב ולכבוד אהיה בתוכה: שמעתתא פתח הכתוב בנזקי ממונו וכו':

(ש"ב כג) ה ויתאוה דוד ויאמר מי ישקני מים מבור בית לחם אשר בשער ויבקעו שלשת הגבורים [במחנה פלשתים וישאבו מים מבור מבית לחם אשר בשער וגו'] מאי קא מיבעיא ליה אמר רבא טמון באש קא מיבעיא ליה (וכו') [אי כרבי יהודה אי כרבנן ופשטו ליה מה דפשטו ליה רב הונא אמר גדישים דשעורים דישראל הוו דהוו מטמרי

דשויא לתרוייכו. אגדתא ושמעתתא ודבר אחד ושניהם שוים בה שהתרלו וי תפלו בה: כי תצא מעצמה. אנחנו גרמנו לו שקלקלנו והבטיח הקב"ה לשלם כאילו הוא הבעירה:

[אמר רבא. סנהדרין זקני הבער]: טמון באש קא מיבעיא ליה. מעשה בא לפניו במחנה ששרפו אנשיו גדיש של ישראל והולך לשאול הלכה אם חייבים לשלם כלים הטמונים בתוכו כרבי יהודה או פטורים כרבנן: [גדישין דשעורין הוו.

ביי רבי יצחק ער זאל זאגין אדין. דער אנדערער האט געבעטין ביי רבי יצחק ער זאל זאגין אגדתא. האט רבי יצחק אן גיהויבען צוא זאגין אגדתא. האט דער ניט גילאזין. האט רבי יצחק אן גיהויבען צוא זאגין אדין. האט דער אנדערער ניט גילאזין. האט רבי יצחק צוא זייא גזאגט איך וועל אייך זאגין אמשל. צו וואס איר זענט גלייך: אמענטש האט אמאהל גיהאט צוויא ווייבער איינע איונגע אונ איינע אאלטע. דיא יונגע ווייב האט אויס געקליבען דיא ווייסע האר פון זיין בארד אונ האט זייא אויס געריסען ער זאל אויס זעהן יונג. דיא אלטע ווייב האט אויס געקליבען דיא שווארצע האר פון זיין בארד אונ האט זייא אויס געריסען. ער זאל אויס זעהן אלט. דער וועיל האט ער גאר ניט גיהאט קיין בארד: איר זענט אויך אזוי. דער לאזט ניט זאגין אגדתא. דער לאזט ניט זאגין אדין: דער וועיל זאגט מען גאר ניט. רבי יצחק האט גזאגט צוא זייא אויב אזוי איז. וועל איך אייך זאגין אזאך וואס עס איז גלייך פאר אייך ביידע. עס איז אדין אונ אגדתא. עס שטייט אין פסוק אז עס וועט ארויס גיין אפייער אונ זיא וועט טרעפין דערנער. דער פייער וועט ארויס גיין פון זיך אליין. זאל בצאהלין פאר דעם שאדין דער וואס האט אן גיצונדען דעם פייער. גאט האט גזאגט איך דארף בצאהלין פאר דעם פייער וואס איך האב אן געצונדען. איך האב אן געצונדען אפייער אין ציון. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ער הט אן געצונדען אפייער אין ציון אונ עס האט פאר ברענט אירע פונדאמענטין. אונ איך בין אן גיברייט איך זאל איר אויף באהען מיט פייער. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אונ איך וועל זיין צו איר אמאהער פון פייער ארום אונ צוא כבוד וועל איך זיין אין איר. נדער נאך האט ער גיזאגט פון דעם פסוק אדין:

ה ויתאוה. דוד האט גיגלוסט אונ האט גיזאגט ווער וועט מיר געבין טרינקען וואסער פון דעם ברונען וואס אין בית לחם וואס ער איז אין טויער. האבען דרייא שטארקע מענטשין דורך גישפאלטין אין דיא מחנה פלשתים אונ זייא האבען אן גישעפט וואסער פון דעם ברונען וואס אין בית לחם וואס ער איז אין טויער. זאגט דיא גמרא דיא וואסער וואס עס שטייט אין פסוק מיינט מען דאך ניט וואסער. נאר מען מיינט תורה. דוד האט גיוואלט וויסען אדין. וועלכין דין האט ער גיוואלט וויסען. האט רבא גיזאגט עס האט גיטראפין אין דער מחנה אז דיא מענטשין פון דוד האבען פארברענט אשייער מיט תבואה. אונ אין דעם שייער איז גיוועזען בעהאלטין כלים. האט דוד גיפרעגט אויב מען דארף בצאהלין פאר דיא כלים אויך. אדער פאר דיא כלים דארף מען ניט בצאהלין. אויב דער דין איז וויא רבי יהודה. דארף מען בצאהלין פאר דיא כלים אדער דער דין איז וויא דיא רבנן דארף מען ניט בצאהלין פאר דיא כלים. והאט מען

אקרא כמיך דכתיב ותהי חלקת השדה מלאה שעורים : מלך פורץ . גדר שדה אחרים לעשות לו דרך ולאוכלוסיו דאמרינן בב"ב דרך המלך אין לה שיעור] : מכדי גמרא שלחו ליה . לא נצרך אלא ללמוד

פלשתים בהו וקא מיבעיא ליה מהו להציל עצמו בממון חבירו שלחו ליה אסור להציל עצמו בממון חבירו אבל אתה מלך וכלך פורץ לעשות דרך ואין מוחים בידו . ורבנן ואיתימא רבה בר מרי אמר גדישים דשעורים דישראל הוו וגדישים דעדשים דפלשתים וקא מיבעיא להו מהו ליטול גדישים של שעורים דישראל ליתן לפני בהמתו על מנת לשלם גדישים של עדשים דפלשתים שלחו ליה (יחזקאל לג) חבול ישיב רשע גזלה ישלם אע"פ שגזילה משלם רשע הוא אבל אתה מלך ומלך פורץ לעשות לו דרך ואין מוחין בידו] :·

(דף סא) ז [בשלמא למ"ד הני תרתי היינו דכתיב ולא אבה דוד לשתותם אמר כיון דאיכא איסורא לא ניחא לי אלא למ"ד] טמון באש קא מיבעיא ליה מכדי גמרא הוא דשלחו ליה מאי לא אבה דוד לשתותם דלא אמרינהו משמיהו אמר כך מקובלני מבית דינו של שמואל הרמתי כל המוסר עצמו לכות על דברי תורה אין אומרים דבר הלכה משמו :

(דף סב) ח א"ל רב אדא בריה דרב אויא לרב אשי מה בין גזלן לחמסן אמר ליה חמסן יהיב

אים געגענפערט וואס מען האט אים גיענפערט] . רב הונא זאגט עס איז גיוועז שייערין מיט גערשטין יודישע . אונ דיא פלשתים פלעגין זיך בעהאלטין אין דיא שייערן . האט דוד גיפרעגט אויב ער מעג זיך מציל זיין מיט פרעמדע געלט . אויב ער מעג פאר ברענען דיא פרעמדע שייערין גערשטין דיא פלשתים וואס אין דיא שייערין זאלין אויך פארברענט ווערין . האט מען געשיקט צוא אים זאגין אמענטש טאר זיך ניט מציל זיין מיט פרעמדע געלט . נאר דו ביסט דאך אמלך . אונ אמלך מעג אוים ברעכין אפרעמדע וואנט אונ מאכין אוועג אין אפרעמדע פעלד פאר זיך אונ פאר זיין חיל . אונ מען טאר אים ניט ווערין . דריבער מעג ער פאר ברענען דיא פרעמדע שייערין אויך זיך מציל צוא זיין . אונ דיא רבנן זאגין . אנדערע זאגין רבה בר מרי האט גיזאגט . עס איז גיוועזן יודישע שייערין מיט גערשטין . אונ עס איז גיוועזן שייערין פון פלשתים מיט ארבעס . האט דוד גיפרעגט אויב מען מעג געמען דיא יודישע שייערין מיט גערשטין געבין פאר אבהמה אויף דעם תנאי צוא בצאהלין דיא שייערין מיט ארבעס פון דיא פלשתים . פאר דיא גערשטין . האבען דיא רבנן געשיקט צו דוד עס שטייט אין פסוק חבול ישיב רשע גזלה ישלם . אפילו מען בצאהלט דיא גזלה פון רעסטוועגין איז מען ארשע . נאר דו ביסט אמלך אונ אמלך מעג אויסברעכין אפרעמדע וואנט אונ מאכין אוועג אין אפרעמדע פעלד פאר זיך אונ פאר זיין חיל . אונ מען טאר אים ניט ווערין :

ז בשלמא שפרעגט דיא גמרא נאך דעם וואס זאגט דיא צווייא זאכין [וויא רב הונא אונ וויא רבה בר מרי] איז רעכט וואס עס שטייט דוד האט ניט גיוואלט טרינקען דיא וואסער [דאס מיינט מען דוד האט ניט גיוואלט לערנען דעם דין וויא מען האט געשיקט צוא אים] . ווארום ער האט גיזאגט ווייל עס איז אסור צוא אלע מענטשין וויל איך דאס אויך ניט טאהן . אבער דער וואס זאגט אז דוד האט גיפרעגט אויף דיא בעהאלטענע כלים וואס זענען פאר ברענט גיווארין אין שייער אויב מען דארף פאר זייא בצאהלין אדער ניין . האבען דאך דיא רבנן אים געשיקט זאגין אויב ער איז פטור אדער חייב . פאר וואס האט דוד ניט גיוואלט טרינקען [פאר וואס האט ער ניט גיוואלט לערנען דעם דין] . ענפערט דיא גמרא דעם דין האט דוד גילערנט . נאר ער האט ניט גיוואלט זאגין דעם דין אין זייער נאמען . ער האט גיזאגט אזוי האב איך גילערנט בייא דעם בית דין פון שמואל הרמתי דער וואס שטעלט איין זיין לעבין אויף דער תורה . זאגט מען ניט קיין דין פון זיינעטוועגין :

ח אמר . רב אדא דער זוהן פון רב אויא האט גיזאגט צו רב אשי וועלכער הייסט גזלן

יהיב דמי גזלן לא יהיב דמי א"ל אי יהיב דמי המסן קרית ליה והא א"ר הונא תליוה וזבין זביניה זבינא לא קשיא הא דאמר רוצה אני הא דלא אמר רוצה אני :

הלכה כגון שמכרו לו ומאי ולא אנס שנשתרש . עשה שרשים כלומר נתחזק בחטא שנגלו דמסוי מעשיו :
בקזוזות. מוט"ם מתן פיסת רגבים כביצות הג נולים להודיע שהיא כרם רבעי ולאסור בלא פדיון : דאיכא הנאה מינה . לאחר זמן כתריסס

מרובה פרק שביעי

(דף סה ע"ב) **א אמר** רבא שור בן יומו קרוי שור איל בן יומו קרוי איל שור בן יומו קרוי שור דכתיב (ויקרא כב) שור או כשב או עז כי יולד איל בן יומו קרוי איל דכתיב (בראשית לא) ואילי צאנך לא אכלתי אילים הוא דלא אכל כבשים אכל אלא לאו ש"מ איל בן יומו קרוי איל :

(דף סז ע"ב) **ב תניא** א"ר עקיבא מפני מה אמרה תורה טבח ומכר משלם תשלומי ד' וה' מפני שנשתרש בחטא רבא אמר מפני שׁשנה בחטא :

(דף סט) **ג תנן** כרם רבעי היו מציינין אותו בקזוזות אדמה סימנא כי אדמה מה אדמה איכא הנאה מינה אף האי נמי כי מפרק שרי לאיתהנויי מינה

אונ וועלכער הייסט המסן . האט רב אשי געזאגט דער המסן נעמט אוועק דיא זאך בייא זיין חבר . אונ ער בצאהלט איהם וויא פיל דיא זאך קאסט . דער גזלן נעמט צוועק אונ בצאהלט ניט . האט רב אדא געזאגט אז ער בצאהלט פאר וואס רופט מען איהם חמסן . רב הונא האט דאך געזאגט אז מען האט געזאגט צוא איינעם אויב דוא וועסט ניט פארקויפן דיא זאך וועט מען דיך אויף הייגגען . אונ ער האט פארקויפט . איז דאס אגוטע פארקויפונג . ענפערט דיא גמרא עס איז ניט קיין קשיא . אז ער האט געזאגט איך וויל פארקויפן . איז דאס פארקויפט . אונ אז ער האט ניט געזאגט איך וויל פארקויפן . איז דאס ניט פארקויפט נאר עס איז גלייך וויא געגזלת :

פרק שביעי

א אמר : רבא האט געזאגט אאקס דעם זעלביגען טאג וואס ער ווערט געבאהרין . הייסט ער אאקס . אאיל דעם זעלביגען טאג וואס ער ווערט געבארין . הייסט ער אאיל . פון וואנען ווייסין מיר אז אאקס דעם זעלביגען טאג וואס ער ווערט געבארין הייסט ער אאקס . ווארום עס שטייט אין פסוק אאקס אדער אשעפס אדער אציג אז זייא וועלין געבארין ווערין . ווען ער ווערט געבארין איז ער שוין אאקס . אונ פון וואנען ווייסין מיר אז אאיל דעם זעלביגען טאג וואס ער ווערט געבארין הייסט ער אאיל . ווארום עס שטייט אין פסוק יעקב האט געזאגט צוא לבן דיא אילים פון דיא שעפסין האב איך ניט געגעסין . אילים האט ער ניט געגעסין . אבער שעפסין האט ער יא געגעסין . נאר אזוי האט יעקב געמיינט אפילו דיא קליינע אילים וואס זענען נאר וואס געבארין געווארין פון דיא שעפסין . האב איך אויך ניט געגעסין . אונ ווייל ער רופט זייא אילים זעהן מיר אז אאיל דעם טאג וואס ער איז געבארין געווארין ווערט ער שוין גערופין איל :

ב תניא . מיר האבען געהערט רבי עקיבא זאגט פאר וואס האט דיא תורה געזאגט אז ער האט געגנבעת אאקס אדער אשעפס אונ ער האט איהם געשאכטין אדער פאר קויפט דארף ער בצאהלין פאר דעם אקס פינף אקסין אונ פאר דעם שעפס פיר שעפסין . ווייל ער איז איין געווארצילט געווארין אין דיא עבירה . רבא זאגט ווייל ער האט צוויי מאהל געזינדיגט . איין מאהל וואס ער האט געגנבעת . אונ דאס אנדערע מאהל וואס ער האט געשאכטען אדער פאר קויפט :

ג תנן . מיר האבען געלערנט אז איינער פלאנצט אויין גארטין דיא פירות פון די ערשטע דרייא יאהר איז ערלה אונ מען מאר ניט הנאה האבען פון זייא . אונ דיא פירות פון דעם פערטין יאהר מוז מען פירען אין ירושלים . אונ דא טרעגט מען זייא . אונ אויב ער וויל ניט פירען

וזריעה וקציר : אף האי נמי . איכא הנאה מיניה כפדיון : חרסית . כתותי רעפים טיבל"א בלע"ז : וממחה ושופך . ממחה את הסיד במים ושופך סביבות הקבר : בד"א . דעבדינן להו סיכלא לעוברים ושבים : בשביעית . שהיא הפקר ובהיתר הם באים לאכול : אבל בשאר שני שבוע . שהם באים לגזול יניחום ויאכלו דבר האסור והלעיטהו לרשע וימות :

[הכי זו המורה עולה דר"מ . דאית ליה לר"מ תפוס

מינה ושל ערלה בחרסית סימנא כחרסית מה חרסית שאין הנאה מיניה אף האי לית ביה הנאה מיניה ושל קברות בסיד סימנא דחיור כעצמות וממחה ושופך כי היכי דניחוור טפי אמר רשב"ג בד"א בשביעית דהפקר נינהו אבל בשאר שני שבוע הלעיטהו לרשע וימות והצנועים מניחין את המעות ואומרים כל הנלקט מזה מחולל על המעות הללו:

(דף עג ע"ב) ד וסבר ר' יוסי תוך כדי דבור כדבור דמי והתנן הרי זו תמורת עולה

דיא פירות אין ירושלים . טאהשט ער זייא אויס אויף געלט . אונ דיא געלט פירט ער אין ירושלים . אונ דארט קויפט ער פאר זיא עסנווארג . זאגט דיא משנה אז איינער האט אויין גארטין וואס אויף אים וואקסט פירות דעם פערטין יאהר . האט מען אים בעצייכענט מיט שטיקער ערד מען האט גילייגט שטיקער ערד ארום דעם ווין גארטין . פאר אסימן . מען זאל וויסען אז דער ווין גארטין איז אזוי וויא ערד . אזוי וויא פון ערד אז מען האקערט אונ מען זייט האט מען ניט קיין הנאה ביז אצייט שפעטער . אזוי פון דעם ווין גארטין קען מען אויך ניט איצט הנאה האבען ביז אצייט שפעטער . אז מען וועט דיא פירות ברייננגען אין ירושלים . אדער מען וועט זייא אויס טאהשין אויף געלט . וועט מען מעגין פון זייא הנאה האבען . אונ אויב דיא פירות פון דעם ווין גארטין זענען נאך ערלה . מאכט מען אסימן מיט שארבינס . אזוי וויא פון אשארבין קען מען ניט הנאה האבען . אזו פון דיא פירות קען מען ניט הנאה האבען . אונ אפעלד וואס אין איר זענען בגראבין מתים . מאכט מען אסימן מיט וואפנע . ווייל וואפנע איז ווייס אזוי וויא ביינער . דיא וואפנע זאל מען צוא שטויסען אונ אויס מישען מיט וואסער אונ בגיסען ארום קבר . ווארום אז דיא וואפנע איז מיט וואסער צוא מישט . איז זיא ווייסער . רבן שמעון בן גמליאל זאגט ווען דארף מען מאכען אצייכען ארום אווין גארטין וואס אויף אים וואקסט פירות דיא ערשטע דריי יאהר אדער דעם פערטין יאהר . דאס איז נאר אין דעם יאהר פון שמטה . ווס אלע מענטשין מעגין ארויין גיין אין פרעמדע ווין גערטנער נעמען פירות : דריבער דארף מען מאכען אצייכען ביי דעם ווין גארטין אז דיא פירות זענען ערלה טאר מען זייא ניט עסין . דיא פירות זענען פון פערטין יאהר דארף מען זייא אויס טאהשין אויף געלט אונ פירען דיא געלט אין ירושלים . מענטשין זאלין ניט עסין וואס מען טאר ניט . אבער אין דיא אנדערע זעקס יאהר . וויא קומט אמענטש נעמען פירות פון אפרעמדין ווין גארטין . דריבער דארף מען ניט בצייכנען . טאמער וועט איינער וועלין גזלנען . איז ער דאך ארשע אונ עסט גיגנבתע . זאל ער עסין ערלה אויך . זאל מען געבין דעם רשע צוא עסין איסור . ער זאל האבען נאך אנדערע עבירה . וועט ער שטארבין . אונ דיא פרומע מענטשין וואס האבען ניט גיוואלט אז דורך זייא זאל ניט אהן ווערין אעבירה פלעגין זייא אנידער לייגין געלט אונ האבען גזאגט אלע פירות ווס וועט אפ געקליבען ווערין פון דעם בוים אדער פון דעם ווין גארטין . זאל זיין אומגיטאהשט אויף דיא געלט :

ד וסבר . פרעגט דיא גמרא האלט דען רבי יוסי אז וואס מען רעט אין דיא רייד איז גלייך וויא דאס וואלט גיוועין דיא ערשטע רייד . למשל אז איינער האט גזאגט אויף אבהמה דיא בהמה זאל זיין אעולה שלמים . דיא רגע וויא ער האט ארויס גירעט דעם ווארט עולה . האט ער זיך דער מאנט אז ער האט גיהאט אטעות . אונ הט באלד גיזאגט דעם ווארט שלמים . איז דער ווארט עולה גלייך ווי ער וואלט אים גאר ניט גזאגט . ווי ער וואלט נאר גזאגט שלמים . אונ דיא בהמה בלייבט שלמים . מיר האבען דאך ניט אזוי גילערנט . ווארום מיר האבען גילערנט אז איינער זאגט אויף אבהמה זיא זאל זיין גיטאהשט פאר אעולה גיטאהשט פאר שלמים איז זיא גיטאהשט פאר אעולה . ווארום מיר זאגין אזוי איז גיוועין . דער מענטש האט פריער

עולה תמורת שלמים הרי זו תמורת עולה דברי רבי מאיר ר' יוסי אומר אם לכך נתכוין מתחלה הואיל ואי אפשר לקרות שני שמות כאחד דבריו קיימין ואם אמר תמורת עולה ונמלך ואמר תמורת שלמים הרי זו המורת עולה והוינן בה נמלך פשיטא ואמר]רב פפא נמלך בתוך כדי דבור קאמרינן אמרי תרי היך כדי דבור הוו חד כדי שאילת תלמיד לרב וחד כדי שאילת הרב להתלמיד כי לית ליה לרבי יוסי כדי שאילת תלמיד לרב שלום עליך רבי ומורי דנפיש. כדי שאילת דרב להתלמיד שלום עליך אית ליה:

לשון ר' אמן : דבריו קיימין והרעה עד שהסתאב והמכר ויביא בדמי הליה עולה ובדמי הליה שלמים]:

עבי . שם הייבד: והיה שמח . לפי שעבד כשר היה והיה מתאוס לשחררו אלא בהשתכר עבח

(דף עד ע"ב) **ח מעשה** בר"ג שסימא את עין טבי עבדו והיה שמח שמחה גדולה מצאו לרבי יהושע א"ל אי אתה יודע שטבי עבדי יצא לחירות

גיוואלט טאהשין דיא בהמה אויף אעולה. דער נאך האט ער חרטה גיהאט. אונ האט זי גיוואלט טאהשין אויף שלמים. דריבער נעמען מיר אן דעם ערשטין לשון. אונ די בהמה איז גיטאהשט אויף אעולה. ווארום מען קען ניט חרטה האבען. אזוי זאגט רבי מאיר: רבי יוסי זאגט אויב ער האט אזוי גימיינט אין אנהייב אז דיא בהמה זאל זיין גיטאהשט אויף ביידע. אויף אעולה אונ אויף שלמים. אהאלבע בהמה זאל זיין גיטאהשט אויף אעולה. אונ אהאלבע בהמה זאל זיין גיטאהשט אויף שלמים: נאר ווייל מען קען ניט זאגין צוויי ווערטער מיט איין מאהל: דריבער האט ער גימוזט זאגין פריער עולה אונ דער נאך שלמים וי דער פאר קערט פריער שלמים דער נאך עולה: זענען זיינע רייד גוט. אונ דיא בהמה ווערט געפיטערט ביז זיא בעקומט א פעלער דער נאך ווערט זיא פאר קויפט. אונ פאר העלפט געלט קויפט מען אעולה. אונ פאר העלפט געלט קויפט מען שלמים: אונ אויב ער האט גזאגט דיא בהמה זאל זיין גיטאהשט אויף אעולה. דער נאך האט ער חרטה גהאט אונ האט גזאגט זיא זאל זיין גיטאהשט אויף שלמים. איז זא גיטאהשט אויף אעולה: האבען מיר גיפרעגט אז ער האט חרטה גיהאט. געווס אז זיין חרטה קען ניט העלפין. האט רב פפא גזאגט דא שמועסט אז ער האט חרטה גיהאט אין דיא ערשטע רייד. אזוי וויא ער האט ארויס גירעט דעם ווארט עולה. האט ער דיא רגע גזאגט שלמים. פון דעסטוועגין זאגט רבי יוסי אז דאס העלפט ניט. נאר דיא בהמה בלייבט אעולה. אונ ניט שלמים. אונ פריער שטייט אז רבי יוסי האט גזאגט דיא בהמה בלייבט שלמים. אונ ניט עולה. ענטפערט דיא גמרא עס איז דא צוויי ערליי אין דיא רייד: אגאנצע אונ אהאלבע. אויב עס האט גידויערט פון דעם ווארט עולה ביז דעם ווארט שלמים אזוי לאנג וויא אתלמיד זאגט שלום צוא זיין רבי. אדער ער האט נאר גידויערט אזוי לאנג וויא ארבי זאגט שלום צוא זיין תלמיד. אויב עס האט גידויערט פון ווארט עולה ביז צום ווארט שלמים אזוי לאנג וויא אתלמיד זאגט שלום צוא זיין רבי. שלום עליך רבי ומורי. דא האלט רבי יוסי אז מען קען ניט שטערין דיא ערשטע רייד: אונ דיא בהמה בלייבט אעולה. אזוי וויא ער האט פריער גזאגט: אונ אויב עס האט נאר גידויערט פון ווארט עולה ביז צום ווארט שלמים אזוי לאנג וויא ארבי זאגט שלום צוא זיין תלמיד שלום עליך. דא האלט רבי יוסי אז זיינע ערשטע רייד איז גאר נישט. נאר ווי ער האט גזאגט צום לעצט. איז די בהמה גאר שלמים:

ח מעשה. עס האט גיטראפין רבן גמליאל האט בלינד גימאכט דעם אויג פון זיין קנעכט טבי. האט רבן גמליאל גיהאט אגרויסע שמחה. טבי איז גיוועזן אגוישער קנעכט פאר קויפט צו רבן גמליאל. אונ טבי איז אבער גיוועזן גאנץ פרום. האט רבן גמליאל אים גיוואלט פרייא מאכין; מען טאר אבער נישט פרייא מאכין אגוישען קנעכט. נאר איצט אז רבן גמליאל האט אים איין אויג בלינד גימאכט גייט ער שוין ארויס פרייא. האט רבן גמליאל גיטראפין רבי יהושע; זאגט רבן גמליאל צו רבי יהושע דו ווייסט מיין קנעכט טבי גייט ארויס פריי. האט רבי יהושע גזאגט

לחידות א"ל למה א"ל שסימיתי את עינו א"ל אין בדבריך כלום שכבר אין לו עדים:

(דף עט ע"ב) ך [א"ר אלעזר ראוהו שהטמין בחורשין וטבח ומכר משלם תשלומי ד' וה' אמאי הא לא משך אמר רב חסדא שהכישה במקל אמרי וכיון דראוהו גזלן הוא כיון דמטמרי מנייהו גנב הוא] ואלא גזלן היכי דמי א"ר אבהו כגון בניהו בן יהוידע שנאמר (ש"ב כג) ויגזול את החנית מיד המצרי ויהרגהו בחניתו רבי יוחנן אומר כגון בעלי שכם שנאמר (שופטים ט) וישימו לו בעלי שכם מארבים על ראשי ההרים ויגזלו כל אשר יעבור עליהם בדרך ורבי אבהו מ"ט לא אמר מהאי אמר לך דכיון דמיטמרי איטמורי לאו גזלני נינהו ור' יוחנן הא דקא מיטמרי דלא נחזינהו אינשי וניערקו מינייהו:

שוכר בעסה: שכבר אין לך עדים. ועל פי עלמך לא משלם קנס:

[שהטמין בחורשין שנטמן ביער לגנוב בהמות הרועות שם: כיון דראוהו גזלן הוא. ולא דומה לגנב בפני שנים דהתם אע"ג דחזי ליה אלר איכפי לא מסתפי מינייהו דמימר אמר לא מינייהו שקילנא מידי אבל תורפין מרעה לכל סוא ולא ידע דמאן ניהו כך בהמה וכיון דלא מיסתפי מכולי עלמא גזלן הוא:

שאלו

פאר וואס גייט ער ארויס פריי. האט רבן גמליאל גיזאגט וויל איך האב אים בלינד גימאכט אאויג. האט רבי יהושע גיזאגט צוא רבן גמליאל דיינע רייד איז גאר ניט. ווארום טבי האט דאך ניט קיין עדות אז דו האסט אים בלינד גימאכט אאויג. נאר פון וואנען ווייכט מען אז דו האכט אים בלינד גימאכט אאויג. וויל דו ביסט אליין מודה. אונ מודה בקנס איז פטור. ווארום דאס וואס אקנעכט גייט ארויס פריי אז מען מאכט אים בלינד אאויג. דאס האט דיא תורה גיקנסת דעם בעל הבית. אונ אז דער בעל הבית איז אליין מודה אז ער האט אים בלינד גימאכט אאויג איז ער אמודה בקנס. אונ אמודה בקנס איז פטור]:

ך אמר. רבי אלעזר האט גיזאגט אז מען האט גיזעהן איינער בהאלט זיך אין וואלד צוא גנבנן דיא בהמות וואס ווערין דארט געפיטערט. אונ ער האט גישאכטין אדער ער האט פאר קויפט דיא בהמות וואס ער האט גיגנבת בצאהלט ער פאר אאקס פינף אקסין אונ פאר אשעפס פיר שעפסין. פרעגט דיא גמרא פאר וואס זאל ער בצאהלין פיר אדער פינף. ער האט דאך ניט גיצויגין דיא בהמה צו זיך. נאר אין וואלד האט ער זיא גישאכטין אדער פאר קויפט. ווי אזוי הייסט ער אגנב. האט רב חסדא גיזאגט אז ער האט אקלאפ גיטאהן דיא בהמה מיט אשטעקין. אונ זיא איז אוועק גיגאנגען פון דיא סטאדע. הייסט דאס שוין גיגנבת: דער נאך האט ער גישאכטין אדער פאר קויפט דארף ער בצאהלין פיר אדער פינף. פרעגט דיא גמרא אז מען האט גיזעהן וויא ער גייט אריין אין וואלד אונ נעמט אבהמה אונ שעכט איר אדער ער פאר קויפט איר אז אלע האבען גיזעהן איז ער דאך ניט אגנב נאר אגזלן: אונ אגזלן בצאהלט דאך ניט פיר אדער פינף. ענטפערט דיא גמרא וויל ער בעהאלט זיך פון דיא מענטשין זייא זאלין אים ניט זעהן. דריבער הייסט ער אגנב. נאר וויא אזוי איז אגזלן. האט רבי אבהו גזאגט אזוי וויא בניהו בן יהוידע. ווארום עס שטייט אין פסוק ער האט אוועק גינומען דעם שפיז פון דעם מצרים האנט. אונ ער האט אים גיהרגת מיט זיין שפיז. רבי יוחנן זאגט אגזלן הייכט אזוי וויא דיא מענטשין פון שכם האבען גיטאהן. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דיא מענטשין פון שכם האבען גישטעלט מענטשין אויף דיא שפיץ בערג זייא זאלין אויס קוקען ווער עס פארט אין וועג. אונ ווער עס פלעגט דורך פארין אין וועג פלעגין זייא אוועק נעמען ביי אים אליץ וואס ער האט גיהאט. פרעגט דיא גמרא פאר וואס זאגט ניט רבי אבהו פון דעם פסוק פון שכם. ענטפערט דיא גמרא רבי אבהו זאגט וויל דיא מענטשין פון שכם בעהאלטען זיך. הייסען זייא ניט גזלנים: אונ רבי יוחנן זאגט דם וואס זייא בעהאלטען זיך איז ניט וויל זייא האבען מורא. נאר אז דיא וועג מענטשין וועלין זיי זעהן וועלין זייא אנטלויפען. דריבער בעהאלטין זייא זיך זייא זאלין קענען פלוצלונג ארויף פאלען אויף דעם מענטשין אונ ביי אים אליץ אוועק נעמען:

ז **שאלו** תלמידיו את רבי יוחנן בן זכאי מפני מה החמירה תורה בגנב יותר מבגזלן אמר להם זה השוה כבוד עבד לכבוד קונו וזה לא השוה כבוד עבד לכבוד קונו כביכול עשה עין של מטה כאילו אינו רואה ואוזן של מטה כאילו אינה שומעת שנא' (ישעיה כט) הוי המעמיקים מה' לסתיר עצה [והיה במחשך מעשיהם וגו'] וכתיב (תהלים נד) ויאמרו לא יראה יה ולא יבין אלהי יעקב וכתיב (יחזקאל ט) [כי אמרו] עזב ה' את הארץ ואין ה' רואה (תניא א"ר מאיר משלו משל משום ר"ג למה הדבר דומה לשני בני אדם שהיו בעיר ועשו משתה אחד זימן את בני העיר ולא זימן את בני המלך ואחד לא זימן את בני העיר ולא זימן את בני המלך אי זה מהם ענשו מרובה הוי אומר זה שזימן את בני העיר ולא זימן את בני המלך א"ר מאיר בא וראה כמה גדול כחה של מלאכה שור שביטלו ממלאכתו חמשה שה שלא ביטלו ממלאכתו ד' אמר רבי יוחנן בן זכאי בא וראה כמה

החמירה תורה לשלם כפל ד' וה': השוה כבוד עבד. לא ירא מבני אדם כדרך שלא ירא מהקב"ה אבל גנב לא השוה עבד לקונו אלא כיבד העבד יותר מקונו שהוא ירא מבני אדם ומעין של מעלה לא נזהר: לסתיר עצה. כמו

ז שאלו. דיא תלמידים האבען גיפרעגט ביי רבי יוחנן בן זכאי פאר וואס האט די תורה שווערער גימאכט ביי אגנב מער וויא ביי אגזלן. (אגנב בצאהלט אלע מאהל צוויי מאהל אזוי פיל וויא ער האט גיגנבת. אונ אז ער גנבת אאקס אדער אשעפס אונ ער שעכט אים אדער פר קויפט אים. דארף ער בצאהלין פאר דעם אקס פינף אקסין אונ פאר דעם שעפס פיר שעפסין. אונ אגזלן בצאהלט אייביג נאר דאס וואס ער האט גיגזלת). האט רבי יוחנן צוא זייא גזאגט דער גזלן האט גלייך גימאכט דעם כבוד פון קנעכט צום כבוד פון בעל הבית, ער האט געוויזען אז ער האט ניט מורא פאר גאט אונ ער האט ניט מורא פר מענטשין. אונ דער גנב הט ניט גלייך גימאכט דעם כבוד פון קנעכט צום כבוד פון בעל הבית; ער הט געוויזען אז פאר מענטשין הט ער מורא אונ פאר גאט האט ער ניט מורא. ווארום ער זאגט גאט זעהט גאר ניט אונ ער הערט גאר ניט וואס אויף דער וועלט איז. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דער נביא זאגט וויי צוא דיא מענטשין וואס זייא בעהאלטען זיך טיף פון גאט צוא פאר בארגין עצות אונ זייא טוהען אלץ אין דער פינסטער. אונ וויא דוד המלך האט גזאגט אויף דיא רשעים זייא זאגין גאט זעהט ניט אונ דער גאט פון יעקב פאר שטייט ניט. אונ וויא יחזקאל הנביא האט גזאגט אויף דיא רשעים זיי זאגין גאט האט פאר לאזין דיא וועלט אונ גאט זעהט גאר ניט. רבי מאיר זאגט רבן גמליאל האט גזאגט אמשל. צוא וואס די זאך איז גלייך. צוויי מענטשין זענען אמאהל גיוועזען אין איין שטאט. אונ זייא האבען ביידע גימאכט אסעודה. איינער הט גיבעטין אויף דיא סעודה דיא מענטשין פון שטאט. אונ דיא קינדער פון מלך האט ער ניט גיבעטין אויף דיא סעודה. אונ איינער האט ניט גיבעטין דיא מענטשין פון שטאט אונ ער האט ניט גיבעטין דיא קינדער פון מלך. ער האט גימאכט דיא סעודה פאר זיך אליין. וועלכער האט אגרעסערין שטראף פון מלך. געוויס דער וואס הט גיבעטין אלע שטאט מענטשין אונ ער האט ניט גיבעטין דיא קינדער פון מלך. ווארום ער הט געוויזען אז דיא שטאט מענטשין האט ער ליב. אונ דיא קינדער פון מלך האט ער ניט ליב. אדער פר דיא שטאט מענטשין האט ער מורא. אונ פאר דעם מלך מיט זיינע קינדער האט ער ניט מורא. אונ יענער האט געוויזען אז ער האט קיינעם ניט ליב אונ ער הט פאר קיינעם ניט מורא. אונ דא בייא דעם גנב מיט דעם גזלן איז אויך אזוי. דער גזלן האט פאר קיינעם ניט מורא. ניט פאר גאט אונ ניט פאר מענטשין. אונ דער גנב האט מורא פאר מענטשין אונ האט ניט מורא פאר גאט; רבי מאיר זאגט קום אונ זעה וויא פיל דיא תורה האט גיזארגט פאר דיא ארבעט אונ פאר דינסט פון אמענטשין. אז דער גנב האט גיגנבת אאקס. וואס ער האט גישטערט דעם בעל הבית פון דיא ארבעט. דארף ער בצאהלין פינף אקסין. אז ער האט גיגנבת אשעפס וואס ער הט אים ניט גישטערט פון דיא ארבעט. וואו זם

במה. גדול כבוד הבריות שור שהולך ברגליו ה' שה שהרכיבו על כתפו ד':

ח מתני' אין מגדלין בהמה דקה בא"י אבל מגדלין בסוריא ובמדברות שבא"י אין מגדלין התרנגולים בירושלים מפני הקדשים ולא כהנים בא"י מפני הטהרות אין מגדלים חזירים בכל מקום לא יגדל את הכלב אא"כ היה קשור בשלשלת אין פורסין נישובים ליונים אלא אם כן היה רחוק מן הישוב ל' ריס: (דף פ) [ת"ר מעשה בחסיד אחד שהי' גונח מלבו ושאלו לרופאים ואמרו אין לו תקנה עד שיינק חלב רותח משחרית לשחרית ודביאו לו עז וקשרו לו בכרעי המטה והיה יונק ממנה משחרית לשחרית לימים נכנסו לו חבריו לבקרו כיון שראו אותה העז קשורה בכרעי המטה חזרו לאחוריהם ואמרו לסטים מזויין בביתו של זה ואנו נכנסין

פירוש

נכנסין יוצין במסתרים לגמוג להרע: שה שהרכיבו. הגנב על כתפו וגזל את עצמו בו לפיכך הקיל הקב"ה עליו בתשלומין:

אין מגדלין בהמה דקה בא"י משום ישוב א"י שמבעיר את השדות וכל שדות א"י שהמן דישראל: אבל מגדלים בסוריא אעם נובה דוד כבשה וקסבר דלא שמיה כבוש והויא כח"ל וכח"ל מותר לגדל דלא חיישינן לישוב ואם יפקידו שדות אחרים ישלמנה: אין מגדלין תרנגולים בירושלים. אפילו ישראל: [מפני הקדשים. שישראל אוכלים שם בשר שלמים ותודה ומעשר בהמה ודרך תרנגולים לנקר באשפה שמא יביאו עצם כעדשה מן השרץ ויטמאו את הקדשים: ולא יגדלו כהנים תרנגולים בכל א"י]: מפני הטהרות. שהכהנים אוכלים תרומה הן צריכין ליזהר (בטהרה) [בטהרתן]: חזירים. טעמא מפרש בגמרא: את הכלב. מפני שנושך ומנבח ומפלת אשה מיראתו: נישובים. פחים שלא ילכדו בהם יונים בני הישוב: ל' ריס ד' מילין: [גונח. פלידר"א נועק מפני כאב הלב לא היה יכול להשיב רוחו: לסטים מזויין. רועה שדות אחרים וגוזל את הרבים:

אשעפס ארבעט ניט. דארף ער נאר בצאהלין פיר שעפסין. רבי יוחנן בן זכאי זאגט קום אונ ועה וויא גרוים בייא דיא תורה איז דער כבוד פון אמענטשין. אז דער גנב האט גיגנבת אאקס. וואס דער אקס איז גיגאנגען מיט דיא פים. דארף ער בצאהלין פינף אקסין. אז ער האט גיגנבת אשעפס וואס ער האט אים גיטראגען אויף דעם אקסיל. דארף ער נאר בצאהלין פיר שעפסין:

ח מתניתין. אין. מען טאר ניט אדעוועון יונגע בהמות אין ארץ ישראל. ווייל זיי מאכען קאליע דיא פעלדער. אבער אין סוריא אונ אין דיא מדברות (דיא וויסטע הערטער) וואס אין ארץ ישראל מעג מען אדעוועון יונגע בהמות. מען טאר ניט אדעוועון העהנער אונ הינער אין ירושלים. ווארום אין ירושלים איז דא קרבנות וואס אלע יודין עסין. ושלמים תודה מעשר בהמה. אונ הענער אונ הינער זענען שטענדיג אויף דיא מיסט. טאמער וועלין זיי האפין אין מויל אביינדיל פון אשרץ וואס ער איז ג וים וויא אגינדז אונ זייא וועלין אים אריין ברייגגען אין שטוב אונ ארויף ווארפין אויף דיא קרבנות. וועלין דאך דיא קרבנות טמא ווערין. אונ כהנים טארין ניט אדעוועון הינער אין גאנץ ארץ ישראל. ווייל בייא כהנים איז אייביג דא תרומה. האבין מיר מורא טאמער וועלין דיא הינער מטמא זיין דיא תרומה מיט אביינדיל פון אשרץ: איוד טאר ניט אדעוועון חזירים אין דיא גאנצע וועלט ווא זייא וואהנען. אונ איוד טאר ניט אדעוועון אהונט סיידין ער איז אנגיבונדין מיט אקייט. מען טאר ניט פאר עפריטין נעצין צוא פאנגען טויבין. ווייל עס וועלין אריין פליהען אין דיא נעצין טויבין פון שטאט וואס זייא האבען בעלי בתים אונ ער וועט זייא פאנגען איז דאך דאס אגזלה. סיידין ער שטעלט דיא נעצין ווייט פון שטאט דרייסיג ריס. דאס איז פיר תחום שבת. אכט טויזענד איילין. אזוי וויט וועלין ניט פליהען דיא טויבין פון שטאט. דיא רבנן האבען גילערענט עס האט אמאהל גיטראפין אחסיד האט גיהאט אקראנקע ברוסט. האט מען גיפרעגט דיא דאקטורים וואס מען זאל טאהן. האבען זייא גיזאגט ער האט ניט קיין אנדער הילף נאר ער זאל זייגין פון אבהמה הייסע מילך אלע אין דער פריא. האט מען גיבראכט אציג אונ מען הט איר אנגיבונדין בייא דיא פים פון בעט. אונ ער פלעגט זייגין פון דיא ציג אלע אין דער פריא. אמאהל זענען אריין גיקומען צו אים זיינע חברים מבקר חולה זיין. וויא זייא האבען דער זעהן דיא ציג איז אן גיבונדען בייא דיא פים פון בעט. האבען זייא זיך אפ גירוקט אינטער זיך. אונ האבין גיזאגט אג לן מיט גיווער איז דא בייא דעם מענטש אין שטוב וועלין מיר אריין גיין צוא אים. ודער ציג איז אגזלן ער גייט ארום אנאנציין טאג אונ עסט פון

נכנסין אצלו ישבו ובדקו ולא מצאו בו אלא אותו עון של אותו העז ואף הוא בשעת מיתתו אמר יודע אני שאין בי עון אלא עון אותו העז שעברתי על דברי חברי]:

ט א"ר ישמעאל מבעלי בתים שבגליל העליון היו בית אבא ומפני מה חרבו שהיו מרעין בחורשים ודנין דיני ממונות ביחיד ואע"פ שהיו להם חורשים סמוך לבתיהם שדה קטנה היתה ומעבירין דרך עליה:

שהיו מרעין בהמה דקה שהיו לנס בחורשים: ואע"פ שהיו חורשין סמוך לבתיהן . ולא הם רועים בשדות אחרים ומשום הו שין ליכא גזל דאמרינן לעיל אבל מגדלים בחורשים ולקמן נמי בתקנת יהושע תיקן ש.א יקציד בעל היער על כך אפ"ה נענשו מפני שבדה קטנה היתה ביניהם ושל אחרים היתה:

היה דקה לביים והועלים: כלבים כופרים . קטנים וננסים הם ל"א כלבים גדולים של יידים ואין מזיקין: חולדות סנאים גדלות בכנה: לנקר את הבית . מן העכברים: וורדיני . סנה: דקטיני . דקים: דמתתאי שקיה. שוקים גולין:

י כשם שאמרו אין מגדלין בהמה דקה כך אמרו אין מגדלין חיה דקה רבי ישמעאל אומר מגדלים כלבים כופרים וחתולים וקופים וחולדות סנאים מפני שעשויים לנקר את הבית מאי חולדות סנאים אמר רב יהודה שרצא חרצא א"ד הרזא דקטיני שקי ורעיא ביני וורדיני מאי שרצא דמתתאי שקיא . [א"ר יהודה אמר רב עשינו עצמנו בבבל כא"י לבהמה דקה א"ל רב אדא בר אהבה לרב הונא דידך מאי א"ל לדידן קא מנטרא להו

פרעמדע פעלדער] . דיא חברים פון חסיד זענען געזעסן און האבען גיקלערט ארום זיינע מעשים . און האבען נישט מער גיפונען אויף אים נאר דיא איין עבירה פון דיא ציג . און דער חסיד אליין ווען ער איז גישטארבין האט ער גזאגט איך ווייס אז איך האב ניט קיין אנדער עבירה . נאר דיא עבירה פון דיא ציג . וואס איך האב ניט גיפאלגט מיינע חברים . וואס זייא האבען גיזאגט אז איך האב ניט גימעגט זייגין פון דיא ציג . ווייל דיא מילך אירע קומט פון גיגזלטע עסינם:

ט אמר . רבי ישמעאל האט גזאגט מיין פאטערס משפחה זענען גיוועזן פון דיא בעלי בתים וואס האבען גיוואוהנט אין אויבערשטין גליל . און פאר וואס זענען זייא ארעם גיווארין . ווייל זייא האבען גיפיטערט זייערע יונגע בהמות אין פרעמדע וועלדער , און אז עס פלעגט קומען פאר זייא א דין תורה אין געלט זאכען . פלעגט נאר איינער משפטין . [און דער תנא האט גזאגט אין אבות איין מענטש זאל ניט זיין א דיין] . און אפילו דיא וועלדער זענען גיוועזן נאנט נעבין זייערע שטובין . און אין אפרעמדין וואלד מעג מען פיטערין בהמות . נאר ווייל צווישען זייערע הייזער און דיא וועלדער איז גיוועזן אקליינע פעלד אפרעמדע און זייא פלעגין טרייבען דיא בהמות דורך דיא קליינע פעלד ביז אין וואלד אריין . דער ווייל פלעגין דיא בהמות עפעס קאליע מאכען אין דעם פעלד . טריבער זענען זיי גישטראפט גיווארין:

י כשם . אזוי וויא מען האט גזאגט אז מען טאר ניט אדערווען יונגע בהמות . אזוי האט מען גזאגט אז מען טאר ניט אדערווען יונגע חיות . רבי ישמעאל זאגט מען מעג אדערווען קליינע הינט און גאנץ גרויסע יאבט הינט . און קעץ . און מלפעס . און תולדות סנאים מעג מען אויך אדערווען . ווייל זייא מאכען ריין דיא שטובין פון מייז . וואס איז תולדות סנאים . רב יהודה זאגט דאס איז שרצא חרצא . אנדערע זאגין דאס רופט מען חרזא וואס ער האט דינע פיס און ער פיטערט זיך צווישען דיא דערנער . און וואס איז שרצא . ער האט נידעריגע פיס . [תולדות סנאים און שרצא חרצא און חרזא . דאס זענען קעץ וואס אדערווען זיך אין דיא וועלדער . און מען מעג זייא אדערווען אין שטוב אויך . ווייל זייא בייסן ניט קיין מענטשן] . רב יהודה האט גזאגט פון רבס וועגין מיר האבען אונז גימאכט אין בבל אזוי וויא אין ארץ ישראל . מען זאל אין בבל אויך ניט אדערווען קיין יונגע בהמות . רב אדא בר אהבה האט גזאגט צו רב הונא וואס איז מיט דיינע יונגע בהמות . האט רב הונא גזאגט מיין ווייב היט זייא . האט רב אדא גזאגט הט שוין דען חובה בגראבין אירע קינדער וואס זיא האט ניט מער וואס צו טאהן נאר צו היטען דיא יונגע בהמות . און ווייל רב אדא האט ארויס גירעדט דעם ווארט פון קינדער בגראבין .

להו חובה א"ל חובה תקברינהו לבנה כולה שניה דרב אדא בר אהבה לא אקיים זרעא לרב הונא מחובה] : יא רב ושמואל ורב אסי איקלעו לבי שבוע הבן ואמרי לה לבי ישוע הבן רב לא עייל קמיה דשמואל (ע"ב) שמואל לא עייל קמיה דרב אסי רב אסי לא עייל קמיה דרב אמרי מאן נתרח שמואל וניתי רב ורב אסי . ונתרח רב או רב אסי רב מלתא בעלמא הוא דעבד ליה לשמואל משום ההוא מעשה דלטיה אדבריה רב עליה אדהכי והכי אתא שונרא קטעיה לידא דינוקא נפק רב ודרש חתול מותר להרגו ואסור לקיימו ואין בו משום גזל ואין בו משום השבת אבדה לבעלים :

שבוע הבן . ברית מילה ע"ש שעברו עליו ז' ימים: [ישוע הבן . מצוה שעושין לפדיון הבן בכור שוע מתרגמינן פורקן כמו פדיון] : רב לא עייל קמיה דשמואל . טעמא אמרי' לקמן: שמואל לא עייל קמיה דרב אסי . שהיה גדול ממנו ורב אסי תלמיד של רב הוה : מאן נתרח . מי יתאחר מבחוץ ויבא באחרונה יחידי : ניתרח שמואל . בחוץ ויבאו רב ורב אסי רב ואחר כך תלמידו : מלתא בעלמא הוא דעבד לשמואל . שמואל קטן שבכולם הוה וזה שאין רב נכנס לפניו טיבותא ויקרא הוא דקעביד ליה משום מעשה דלטייה לשמואל בשמונה פרקים : אדבריה עליה . הטעינו עליו לנהוג בו כבוד : אדהכי והכי .

יב א"ר אחא בר פפא משום רבי אבא בר פפא משום רבי אדא בר פפא ואמרי לה א"ר אבא בר פפא משום רבי חייא בר פפא משום ר' אחא בר פפא ואמרי לה א"ר אבא בר פפא משום רבי אחא בר פפא משום רבי חנינא בר פפא מתריעין על החיכוך בשבת ודלת הננעלת לא במהרה תפתח והלוקח בית בא"י כותבין עליו אונו אפילו בשבת מיתיבי

אַזוי לַאנְג ווִיא רַב אַדָא בַּר אַהֲבָה הָאט גִילֶעבְּט הָאבֶּען זִיךְ נִישְׁט גִיהַאלְטֶען דִיא קִינְדֶער וָואס רַב הוּנָא הָאט גִיהַאט פוּן חוֹבָה . זֵייא זֶענֶען אַלֶע גִישְׁטָארְבִּין :

יא רַב אוּנ שְׁמוּאֵל אוּנ רַב אַסִי אַלֶע דְרַייא זֶענֶען אַמָאהל גִיוֶוען אוֹיף אַבְּרִית מִילָה ; אַנְדֶערֶע זָאגִין אוֹיף אַפִּדְיוֹן הַבֵּן . רַב הָאט נִישְׁט גִיוָואלְט אַרַיין גֵיין אִין שְׁטוּבּ פַאר שְׁמוּאֵל . שְׁמוּאֵל הָאט נִישְׁט גִיוָואלְט אַרַיין גֵיין פַאר רַב אַסִי . רַב אַסִי הָאט נִישְׁט גִיוָואלְט אַרַיין גֵיין פַאר רַב . הָאבֶּען זֵייא גֶעזָאגְט וֶוער זָאל וַוארְטִין . וֶוער זָאל אַרַיין גֵיין דֶער לֶעצְטֶער אַלֵיין בִּזוּנְדֶער . שְׁמוּאֵל זָאל וַוארְטִין ; אוּנ פְרִיעֶר זָאל אַרַיין גֵיין רַב דֶער נָאךְ רַב אַסִי . אוּנ שְׁמוּאֵל זָאל אַבִּיסֶעל וַוארְטִין אוֹיף דִיא גַאס אוּנ שְׁפֶּעטֶער וֶועט עֶר אַרַיין קוּמֶען אַלֵיין . פְרֶעגְט דִיא גְמָרָא פַאר וָואס הָט נִיט גִיוַוארְט רַב אָדֶער רַב אַסִי אוֹיף דִיא גַאס ; עֶנְפֶערְט דִיא גְמָרָא שְׁמוּאֵל אִיז גִיוֶוען קְלֶענֶער ווִי רַב אוּנ ווִיא רַב אַסִי . נָאר פַאר וָואס הָאט רַב נִיט גִיוָואלְט אַרַיין גֵיין פַאר שְׁמוּאֵל . ווַייל רַב הָאט גִיוָואלְט גֶעבִּין כָּבוֹד שְׁמוּאֵלִין ווַייל עֶר הָאט אִים אַמָאהל גִיפְלוּכְט . דֶער ווַייל אִיז גִיקוּמֶען אַקַאץ אוּנ הָאט אָפּ גִיהַאקְט דִיא הַאנְט פוּן דֶעם קִינְד . הָאט רַב גִידַרְשְׁ'ת אַקַאץ מֶעג מֶען הַרְגֶען . אוּנ מֶען טָאר אִיר נִיט הַאלְטֶען . אוּנ אַז אֵיינֶער הַרְגֶ'ת אַפְרֶעמְדֶע קַאץ אִיז דָאס נִיט קֵיין גְזֵלָה . אוּנ אַז בַּייא אֵיינֶעם אִיז פַאר לָארִין גִיוָוארִין אַקַאץ אוּנ זַיין חַבֵר הָאט אִיר גִיפוּנֶען . דַארְף עֶר זִיא אִים נִיט אַוֶועק גֶעבִּין . אוּנ עֶר זָאל זִיא נִיט גֶעמֶען פַאר זִיךְ . נָאר עֶר זָאל אִיר לָאזִין לוֹיפֶען :

יב אָמַר . רַבִּי אַחָא בַּר פָּפָּא הָאט גִיזָאגְט פוּן רַבִּי אַבָּא בַּר פָּפָּאס וֶועגִין . אוּנ עֶר הָאט גִיזָאגְט פוּן רַבִּי אַדָא בַּר פָּפָּאס וֶועגִין ; אַנְדֶערֶע זָאגִין אַזוֹי אִיז גִיוֶוען רַבִּי אַבָּא בַּר פָּפָּא הָאט גִיזָאגְט פוּן רַבִּי חִיָיא בַּר פָּפָּאס וֶועגִין . אוּנ עֶר הָאט גִיזָאגְט פוּן רַבִּי אַחָא בַּר פָּפָּאס וֶועגִין ; אוּנ אַנְדֶערֶע זָאגִין אַזוֹי אִיז גִיוֶוען רַבִּי אַבָּא בַּר פָּפָּא הָאט גִיזָאגְט פוּן רַבִּי אַחָא בַּר פָּפָּאס וֶועגִין . אוּנ עֶר הָאט גִיזָאגְט פוּן רַבִּי חֲנִינָא בַּר פָּפָּאס וֶועגִין . אַז אִין אַשְׁטָאט אִיז גִיוָוארִין אַקְרַאנְקְהַייט פוּן קְרֶעץ ; זָאל מֶען תְּפִלָה טָאהְן אוּנ מֶען זָאל בְּלָאזִין מִיט שׁוֹפָרוֹת אוּנ מִיט טְרוֹמֵייטִין אֲפִילוּ אוּם שַׁבָּת . אוּנ אַז אַטִיר וֶוערְט פַארְשְׁלָאסִין . וֶוערְט זִיא נִיט גֶעשְׁווִינְט גֶיעֶפִינְט . דָאס מֵיינְט מֶען אַז בַּייא אַמֶענְטְשִׁין אִיז פַארְשְׁלָאסִין גִיוָוארִין דִיא טִיר פוּן פַּרְנָסָה . וֶועט זִיא נִיט גֶעשְׁווִינְט גֶעעֶפִינְט וֶוערִין . נִיט גֶעשְׁווִינְט וֶועט עֶר צוּרִיק גִיהָאלְפִין וֶוערִין . דְרִיבֶּער דַארְף עֶר פִיל בֶּעטִין . אוּנ אַז אַיוּד קוֹיפְט אַשְׁטוּבּ בַּייא אַגוֹי אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל ; שְׁרַייבְּט מֶען דֶעם

מיתיבי ושאר פורעניות המתרגשות ובאות על הצבור כגון היכוך חגב זבוב צרעה ויתוש ושילוח נחשים ועקרבים לא היו מתריעין אלא צועקים לא קשיא כאן בלח כאן ביבש דאמר ריב"ל שחין שהביא הקב"ה על המצרים לח מבחוץ ויבש מבפנים שנאמר (שמות ט) ויהי שחין אבעבועות פורח באדם ובבהמה ודלת הננעלת לא במהרה תפתח מאי היא מר זוטרא אמר סמיכה רב אשי אמר כל המריעין לו לא במהרה מטיבין לו רב אחא מדפתי אמר לעולם אין מטיבין לו ולא היא רב אחא מדפתי מלתא דנפשיה הוא דקאמר . והלוקח בית בארץ ישראל כותבין עליו אונו אפילו בשבת בשבת ס"ד אלא [כדאמר רבא התם אומר לנכרי ועושה הבא נמי אומר לנכרי ועושה וכו']:

דהוו מסרבי אהא מוגלא וקטעיה לידא דהכוא יניקא: מתריעין. בלב וכו' ג' הגה ובשופרות ובהלכות במסכת תענית: היכוך. שחין במהכך שהדם עליה פחזי"ל בלע"ז: ודלת הנעלת. על האדם גוזרת מגלית: לא במהרה תפתח. כ"מ להפוטי ברחמים: [והלוקח בית. מנכרי: אונו. בעל מכירה: לא היו מתריעין. בלבא: צועקים. ביחיד: יבש. קשה מלא: אבעבועות פורח. בפריחתו דהיינו מבחוץ הוה מבעבע דהיינו לא מכלל דבפנים הוי יבש]: מלתא דנפשיה. כב"כ בהשותפין דאימנוה לאוהביה בריבא ולא הסהייעא מיל.ה:

שיהו מרעין. בה מות בהורשין ושלא יקפיד בעל (רבינא) [היער] על כך: ומלקטין עצים. משדה חברו כן עשבים למאכל בהמה: יהין משדה הלהן. דמעט לא עשבים הגדולות עמה והשיכון מקפיד את הלהן

יג ת"ר עשרה תנאים התנה יהושע (דף פא) שיהיו מרעין בחורשין ומלקטין עצים בשדותיהם ומלקטין

קאנטראקט אפילו אום שבת. טאמער וועט דער גוי תרטה האבען. פרעגט דיא גמרא מיר האבען גילערנט אונ אנדערע שטראף וואס עס שטורעמט אונ עס קומט אויף אשטאט. למשל קרעץ. איישעריקן. שלעכטע פליגען. צרעות (בינען). מוקען. שלאנגען עגדעסין. אויף דיא זאכין בלאזט מען ניט שופר אום שבת. נאר מען שרייט צו גאט מיט תפלות אפילו אום שבת. זעהן מיר דאך אז אויף קרעץ בלאזט מען ניט שופר אום שבת. זאגט דיא גמרא עס איז ניט קיין קשיא. אויף פייכטע קרעץ בלאזט מען ניט שופר אום שבת. אונ אויף טרוקענע קרעץ בלאזט מען שופר אפילו אום שבת. ווארום רבי יהושע בן לוי האט גיזאגט דיא פארכעס וואס גאט האט גיבראכט אויף דיא מצרים איז גיוועזן פייכט פון אויסווייניג אונ טרוקען פון אינווייניג. אזוי ווי א עס שטייט אין פסוק דער שחין איז גיוועזן בעל עזאך (פייכט מיט מאטעריע) אין דעם בליהונג (אויס ווייניג) ביי מענטשן אונ ביי בהמות. אבער אינווייניג איז גוועזן טרוקען. אונ אז אטיר ווערט פארשלאסין ניט געשווינט ווערט זיא גיעפינט. וואס מיינט מען דאס. מר זוטרא זאגט דאס מיינט מען סמיכה. אז מען זאגט איינעם אפ פון רבנות. ניט געשווינט קומט ער צוריק צוא רבנות. רב אשי זאגט אז עס ווערט איינעם שלעכט. ניט געשווינט ווערט אים צוריק גוט. רב אחא פון דפתי זאגט עס ווערט אים שוין קיין מאהל ניט גוט. זאגט דיא גמרא עס איז ניט אזוי עס ווערט צוריק גוט. נאר רב אחא פון דפתי זאגט זיין זאך. אים איז שלעכט גיווארין אונ עס איז אים ניט צוריק גוט גיווארין. אונ אז איינער קויפט אשטוב ביי אגוי אין ארץ ישראל שרייבט מען דעם קאנטראקט אפילו אום שבת. פרעגט דיא גמרא מעג מען שרייבין אום שבת. נאר אזוי ווי רבא האט גיזאגט דארטין (אויף איין אנדער זאך) מען זאגט צוא אגוי אונ דער גוי טוהט. דא מיינט מען אויך אזוי. מען זאגט צוא אגוי אונ ער שרייבט דעם קאנטראקט אום שבת:

יג תנו רבנן. דיא רבנן האבען גילערנט צעהן זאכין האט יהושע גיבאטין צוא דיא יודין ווען זייא זענען אריין גיגאנגען אין ארץ ישראל. מען זאל פיטערין בהמות אפילו אין פרעמדע וועלדער. אונ מע, זאל מעגין אריין גיין אין אפרעמדע פעלד קלויבין דיא שטיקלאך האלץ וואס עס איז פארשפרייט אין פעלד. אונ מען זאל מעגין רייסין גראז פון אפרעמדע פעלד געבין עסין אבהמה. נאר פון דיא פעלד וואס אין איר וואקסט תלתן טאר מען ניט רייסין קיין גראז. ווייל דיא גראז דארף מען צו דיא תלתן. אונ אז מען רייסט אויס זיא גראז ווערט קאליע דיא תבואה. אונ מען זאל מעגין אפ האקין יונגע צווייגין פון אפרעמדין בוים מען זאל זייא איין פלאנצין. נאר אז

ומלקטין עשבים בכל מקום חוץ מתלתן וקוטמין נטיעות בכל מקום חוץ מגרופיות של זית ומעין היוצא בתחלה בני העיר מסתפקין ממנו ומחכין בימה של טבריא ובלבד שלא יפרוס קלע ויעמיד את הספינה ונפנין לאחורי הגדר אפילו בשדה מלאה כרכום ומהלכין בשבילי הרשות עד שת״ד רביעה שניה ומסתלקין לצדי הדרכים מפני יתידות הדרכים והתועה בין הכרמים מפסג ועולה מפסג ויורד ומת מצוה קונה מקומו :

(דף פו ע״ב) יד ת״ר ימה של טבריה בהלקו של נפתלי היתה ולא עוד אלא שנטל מלא חבל חרם בדרומה לקיים מה שנא׳ (דברים ים

הלתן מין קטנית וכמו פנגרי״א : וקוטמין נטיעות. מן האילן קוטם בד ליטע או להרכיב ולא יקפיד בעל האילן : חוץ מגרופיות של זית. הקוצץ זאיו לפרוץ מניח בתי גרופיות מלא בני אגרופיה כדאמרי׳ פרק הספינה וכן מהליפות ומיליאות בדין ומשב אין לקטם נטיעה מפני שמפסיד את הגרופיות : בתחלה. מהדש וכ״ש מעינות ישנים שהיו בימי יהושע : ומחכין. מפילין חכה לצוד דגים : בימה של טבריה. ואף ע״פ שבחלק נפתלי היתה כולה כדאמרינן לקמן : שלא יפרוס קלע. דרך צדים לתקוע יתדות ולעשות גדרי קנים במים לצוד שם דגים וקורין לו במק מנו גז״ר באשכנז קורין לו ווכ״א (שלא יפרוס קלע) מפני שנעכב ומעמיד את הספינה : לאחורי הגדר לקמן מפרש לה לא נצרכה אלא ליטול סימנה צרור לקנח אע״פ שפורץ את הגדר : ומהלכין בשבילי הרשות. שהם בני אדם משהכניסו תבואתם עד שעת הזריעה מפקירים שדותיהם ליכנס בהם כל אדם לקצר את הדרך שלא יקיף והן נקראין שבילי הרשות לפי שברשות עושים והתנה יהושע שלא יקפידו על כך : עד שתרד רביעה שניה. [זמנה] בי״ז במרחשון כדאמרינן בתענית ומאז והלאה הזרעים צומחות וקשה להם דריסת הרגל : ומסתלקין לצדי הדרכים. בכל עת ואפילו בזמן שהתבואה בשדות הפקיר לכל אדם נסתלק מן הדרך מפני היתדות וליכנס לגבול בדה חבירו ולילך על המיצר אצל הדרך : מפני יתדות הדרכים. בימות החמה יבש הטיט ונעשה כיתדות מקום דריסת האדם ובהמה מדרסו שם כיבמות כהו. ף ונעשה כבהיות : מפסג. מנתק זמורות הנוסכות המעכבות אותו ועולה ויורד עד שמוצא את הדרך : מקומו, מקום שנפל שם בעת מותו קנאו ליקבר ואין בעל השדה מעכב עליו:

מלא חבל חרם. מלא חבל של מצודה היה לו בדרום: מן היבשה למשוך רשתו : גרם כמו מגודים והרמי

אײנער האָט אָפּ געהאַקט אַ אײלבּירט בּוים. אונ ער האָט געלאָזן עטליכע קלײנע צװײגלאך פון זײא זאָל אויף װאַקסן נײע בּוימער, פון דיא צװײגלאך טאר מען ניט נעמען. אונ אז בײא אײנעם אין פעלד איז געעפענט געװאָרן אַ נײער קװאל. זאָלן אַלע מענשן פון שטאָט מעגן שעפּן װאַסער פון דעם קװאַל; אונ אַלע יודן זאָלן מעגן פאַנגען פיש מיט נעץ פון דעם ים װאָס אין טבריא. אפילו דער ים געהער צום שבט נפתלי. נאָר ער זאָל ניט מאַכן אין װאַסער קאַסטנס פון שטאַבּעטן דיא פיש זאָלן דאָרטן געפאַנגען װערן. װײל דיא קאַסטנס פאַרהאַלטן דיא שיפן װאָס שװימען אויף דעם װאַסער. אונ אַז אײנער דאַרף אַרױס גײן (דאָס מענשליכע בעדערפניש) זאָל ער מעגן גײן בײא דער װאַנט פון אַ פרעמדע פעלד. אפילו אין פעלד איז פאַרזײט פול זאַפרען. אונ ער מעג אָפּ ברעכן אַ שפּענדיל פון װאַנט אָפּ צו װישן דיא צואה. אונ מען זאָל מעגן גײן אין פרעמדע פעלדער פון דער צײט װאָס מען האָט אַראָפּ גענומען דיא תבואה פון פעלד. דאָס איז אין סוף זומער. ביז עס גײט דער אַנדערער רעגן. דאָס איז זיבעצין טאָג אין חשון. װאָרום נאָך דעם אַנדערן רעגן הײבּן שוין אָן דיא פעלדער צו װאַקסן אין ארץ ישראל. אונ זומער װען דיא ערד איז פאַרטריקנט איז שלעכט צו גײן אויף מיטן װעג. װײל װינטער איז געװאָרן לעכער אין דיא בּלאָטע פון דיא טריט פון מענטשן אונ פון בהמות. אונ זומער אַז דיא ערד װערט פאַרטריקנט. בּלײבּט דיא גאַנצע ערד גריבּער אונ בערגלאך איז שלעכט צו גײן) זאָל מען מעגן גײן בײא דיא זײטן פעלדער. אפילו אין פעלד איז דאָ תבואה. אונ אַז אײנער בּלאָנדזשעט צװישן װײן גערטנער מעג ער גײן צװישן דיא צװײגן אונ ער מעג אָפּ ברעכן צװײגן צו מאַכן פאַר זיך אַ װעג דורך צו גײן פון דעם װײן גאָרטן אויף דעם אמתן װעג. אונ אַז אַ מענטש איז געגאַנגען אין אַ פרעמדע פעלד אונ איז געפאַלן אונ געשטאָרבּן זאָל מען אים בּגראָבּן אין דיא פעלד:

ד תנו רבנן. דיא רבנן האָבּן געלערנט דער ים פון טבריה האָט געקערט צום שבט נפתלי. אונ אויף דעם ברעג ים אויף דיא טריקענעש האָט ער געהאַט אַ חלק אזוי אַ שטיק װיא ער האָט געדאַרפט דיא נעצן אַרױס צוא ציהען. אזוי װיא עס שטײט אין פסוק ער האָט גירשת דעם ים אונ דרום זײט. מיר האָבּן געלערנט רבי שמעון בן אלעזר זאָגט

(עו) ים ודרום ירשה. תניא רשב"א אומר תלושים שבהרים בחזקת כל השבטים הן עומדין ומחוברים בחזקת אותו השבט ואין לך כל שבט ושבט מישראל שאין לו בהר ובשפלה ובנגב ובעמק שנאמר (דברים א׳) פנו וסעו לכם ובאו הר האמורי ואל כל שכניו בערבה בהר ובשפלה ובנגב ובחוף הים וגו׳ וכן אתה מוצא בכנעניים ובפרזים ובאמוריים שלפניהם שנאמר ואל כל שכניו אלמא שכניו הכי הוו:

ואחרים (קהלת ז) : בחזקת כל השבטים. כל מי שירצה יטול דהא במטלטלים והאי הצלא והמלקוה הוו: וכן אתה מוצא בכנענים. אע"פ שכתיב ראן הר האמורי [אף] כנעני ופרזי כך היו להם וישראל שירשו היה להם לכל אחד הר ושפלה ונגב ועמק [ארץ בדות ובקעות לכן נקראת נגב שכל שעה היא נגובה שאין שם לא אילנות ואמה זורחת ומנגבה]:
מפסיע ואזיל מיהד ליהד פסיעות גסות ולא היה רוצה להסתלק אל מצר הדרך: גדולה. מראה לפ שהוא ירא שמים מאד ואינו תובע לתלמים שבתנה יהושע ומחזי כיוהרא: בגיזרא דפרזלא. כלומר נידוי:

טו רבי ורבי חייא הוו שקלי ואזלי באורחא איסתלקו לצדי הדרכים הוה מפסיע ואזל רב יהודה בן קנוסא קמייהו א"ל רבי לר' חייא מי הוא זה שמראה גדולה בפנינו א"ל רבי חייא שמא רבי יהודה בן קנוסא תלמידי הוא וכל מעשיו לשם שמים כי מטו לגביה חזייה א"ל אי לאו יהודה בן קנוסא את גזרתינהו לשקך בגיזרא דפרזלא:

טז [אמרו עשרה הני חד סרי הויין] מהלכין בשבילי הרשות שלמה אמרה כדתניא הרי שכלו פירותיו מן השדה ואינו מניח בני אדם ליכנס בתוך שדהו

ווען יודין זענען אַריין גיקומען אין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אַלֶע אָפּ געשניטענע תבואה אונ אָפּ געריסענע בּוימער וואס מען האט געפונען אויף דיא בערג. דאס האט יעדער יוד גימעגט נעמען. אַפילו עס איז ניט גילעגין אין זיין חלק. אונ דיא תבואה אונ בוימער וואס זענען גיוועזן בהעפט צו דיא ערד. האט דאס גיקערט צו דעם שבט וואס דאס איז גיוועזן אין זיין חלק: אונ יעדער שבט האט גיהאט אין זיין חלק בערג אונ טאהלין אונ טרוקענע ערד אונ טיפע ארטער. אַזוי וויא עס שטייט אין פסוק קערט אייך אונ ציהט אונ קומט צום בארג פון אמורי אונ צו זיינע אַלע שכנים אויף דעם גלייכין פלאַץ. אונ אויף דעם בארג אונ אין דעם טאהל אונ אין טרוקענעם ארט אונ אויף דעם ברעג ים. אונ ניט נאר דער אמורי האט גיהאט דיא אלע זאכען. נאר דער כנעני אונ דער פריזי [אונ אלע זיבען אומות] אונ דיא אמוריים וואס פאר זייא זענען גיוועזען. האבען אויך גיהאט דיא אלע זאכען. אַזוי וויא עס שטייט אין פסוק צו אַלע שכנים פון דעם אמורי. [זעהן מיר אַז אַלע שכנים האבען אויך אַזוי גיהאט וויא דער אמורי ובערג טאהלין טרוקענע ערד אונ טיפע ארטער]. אונ אַז דיא יודין האבען גירשת די גאנצע לאנד פון אלע זיבען פעלקער האבען דאך אלע אַזוי גיהאט:

טו רבי אונ רבי חייא זענען אמאהל גיגאנגען אין וועג. זענען זייא גיגאנגען ביי דער זייט פון וועג אונ פאר אויס פאר זייא איז גיגאנגען רב יהודה בן קנוסא אונ ער האט ניט גיוואלט גיין אויף דער זייט וועג [ווייל דארט זענען פעלדער] נאר אין מיטען וועג. אונ ער איז גישפרונגען פון איין בערגיל אויף דעם אנדערין. האט רבי גזאגט צו רבי חייא ווער איז דאס דער וואס גייט פאר אויס אונ ער ווייזט אַזוי אַגרויסע פרומקייט אַז ער וויל ניט גיין ביי די זייטין פון דיא פעלדער. האט רבי חייא גזאגט צו רבי טאמער איז דאס מיין תלמיד רבי יהודה בן קנוסא אלץ וואס ער טוהט מיינט ער פון גאטס וועגין אונ ניט פון גרויסקייט. אַז רבי אונ רבי חייא זענען גיקומען ביז רבי יהודה בן קנוסא האבען זייא גזאגט צו אים ווען דוא וואלסט ניט גיוועזן רבי יהודה בן קנוסא וואלטין מיר אפ גיזעגט דיינע פיס מיט אייזערנע זעג. מיר וואלטין דיך מחרים גיוועזן:

טז אמרו. מען האט גיפרעגט דוא זאגסט צעהן זאכען האט יהושע גיבאטין. מען האט דאך דא אויס גירעכענט עלף זאכען. ענטפערט דיא גמרא דיא זאך אַז מען מעג גיין אין פרעמדע פעלדער פון דער צייט וואס מען האט אראפ גינומען דיא תבואה פון פעלד. ביז דעם אנדערין

[מכבסין] בגדיהם לכבוד שבת: ואוכלין שום [לקמן מפרש טעמא] (משום שמאות עונה בליל שבת כדרב יהודה ושום מרבה זרע כדלקמן): ושתהא אשה משכמת ביום שמריכה לאפות ואופה שחרית כדמי רשם כדי שתהא פת מצויה לעני המחזר: סינר. דוגמת מכנסים קטנים שלאשה חופפת. במסרק ביום טבילתה משום הגלה ולקמן פריך הא דאורייתא הוא: רוכלין. מחזירין בשמים לנשים להתקשט בהם: שמחזירין בעיירות. ולא יוכלו בני העיירות לעכב עליהם: משום יושבי קרנות: יושבי חניות כל ימות החול עוסקין בסחורה ואין קורין

שדהו מה הבריות אומרות עליו מה הנאה יש לפלוני ומה הבריות מזיקות לו עליו הכתוב אומר מהיות טוב אל תקרי רע ומי כתיב מהיות טוב אל תקרי רע אין כתיב כה"ג (משלי ג) אל תמנע טוב מבעליו בהיות לאל ידך לעשות.

(דף פב) **יז עשר** תקנות תיקן עזרא שיהו קורין בתורה במנחה בשבת וקורין בשני וחמישי [ודנין בשני ובחמישי ומכבסין בחמישי בשבת ואוכלין שום בערב שבת ושתהא אשה משכמת ואופה ושתהא אשה חוגרת בסינר ושתהא אשה חופפת וטובלת ושיהו רוכלין מחזירין בעיירות ותיקן טבילה לבעלי קריין. שיהו קורין במנחה בשבת משום יושבי קרנות ושיהיו קורין בשני ובחמישי) עזרא תיקן והא מעיקרא הוה מתקנה דתניא (שמות טו) וילכו שלשת ימים במדבר ולא מצאו מים דורשי רשומות אמרו אין מים אלא תורה שנאמר (ישעיה נה) הוי כל צמא לכו למים כיון שהלכו שלשת ימים בלא תורה (מיד) נלאו עמדו נביאים שביניהם ותקנו להם שיהו קורין בשבת ומפסיקים באחד בשבת

רענין דאס האט שלמה המלך געבעטין. אזוי וויא מיר האבען געלערנט אז מען האט שוין אראפ גענומען דיא תבואות פון פעלד. אונ ער לאזט ניט קיין מענטש ארין גיין אין זיין פעלד. וואס זאגין מענטשין אויף אים וואס פאר הנאה האט דער מענטש היינט פון דיא פעלד. אונ וואס פר אשאדין טוהען אים דיא מענטשין אז זייא גייען אין דיא פעלד. אויף אים זאגט דער פסוק אז דוא קענסט זיין אגוטער זאלסטו ניט גירופען ווערין אשלעכטער. פרעגט דיא גמרא שטייט דען אפסוק אז דוא קענסט זיין אגוטער זאלסטו ניט גירופען ווערין אשלעכטער. ענטפערט דיא גמרא יא עס שטייט אפסוק אזוי אגלייכין. דוא זאלסט ניט פאר מיידין גוטס פון אמענטשין אז דוא קענסט אים טאן דאס גוטס:

יז עשר. צעהן זאכען האט עזרא געבאטין. מען זאל לייענען אין דער ספר תורה שבת צו מנחה. אונ מאנטאג אונ דאנערשטאג. אונ בית דין זאלין משפטין דין תורות מאנטאג אונ דאנערשטאג. אונ יעדער מענטש זאל וואשין זיינע קליידער דאנערשטאג זייא זאלין זיין ריין אויף שבת: אונ מען זאל עסין קנאבעליך ערב שבת. אונ אאשה זאל אויף שטיין פרייטאג פריא אונ זאל באקין חלות. אונ אאשה זאל גיין מיט אפארטוך. אונ אאשה זאל זיך איים קעמען פאר דער טבילה. אונ קראמעלניקעס זאלין ארום גיין אין די קליינע שטעטלאך אונ אין די דערפער פאר קויפען בשמים צוא ווייבער זייא זאלין זיך צירען. אונ דער וואס ווערט שכבת זרע זאל ער זיך טובל זיין. זאגט דיא גמרא פאר וואס לייענט מען אין דיא ספר תורה שבת צוא מנחה. ווייל די מענטשין וואס האנדלען אגאנצע וואך קומען ניט אין שוהל אפילו מאנטאג אונ דאנערשטאג אויך ניט. פון ווייערט וועגין לייענט מען שבת צוא מנחה. זייא זאלין נאך תורה הערין. פרעגט דיא גמרא האט דען עזרא גימאכט דיא תקנה מען זאל לייענען מאנטאג אונ דאנערשטאג. דיא תקנה האבען דאך דיא נביאים גימאכט נאך פר עזרא. ווארום מיר האבען געלערנט עס שטייט אין פסוק זייא זענען גיגאנגען דריי טעג אין דער מדבר אונ האבען ניט גיפונען וואסער. דיא דרשנים זאגין וואסער מיינט מען תורה. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אלע דארשטיגע גייט צום וואסער. דאס מיינט מען דיא תורה איז פרייא צוא לערנען. אזוי וויא וואסער איז פרייא צום טרינקען. וויא דיא יודין זענען גיגאנגען דריי טעג אן תורה זענען זייא מיד גיווארין. זענען אויף גישטאנען דיא נביאים וואס זענען גיוועזען צווישען זייא אונ האבען גימאכט אתקנה מען זאל לייענען דיא תורה שבת. אונ זונטאג ניט. אונ מען זאל לייענען די תורה מאנטאג. אונ דינסטאג

בשבת וקורין בשני ומפסיקין בשלישי וכרביעי וקורין בחמישי ומפסיקים ערב שבת כדי שלא ילינו בלא תורה שלשת ימים . מעיקרא תקנו חד גברא תלתא פסוקי א"נ תלתא גברי ותלתא פסוקי כנגד כהנים לוים וישראלים אתא הוא תיקן תלתא גברי ועשרה פסוקי נגד י' בטלנין

יח ת"ר ה' דברים נאמרו בשום משביע ומשחין ומצהיל פנים ומרבה הזרע והורג כנים שבבני מעים וי"א מכנים ארבה ומוציא את הקנאה :

(ע"ב) **יט** **עשרה** דברים נאמרו בירושלים אין הבית חלוט בה ואין מביאה עגלה ערופה ואינה נעשית עיר הנדחת ואינה מטמאה בנגעים ואין מוציאין בה זיזין וגזוזטראות ואין עושין בה אשפתות ואין עושין בה כבשונות ואין עושין בה גנות ופרדסות חוץ מגנת וורדין שהיו מימות נביאים ראשונים ואין מגדלין בה תרנגולים ואין מלינין בה את המת אין הבית

קורין בב' וה' תיקן בגינייהו קריאה יתירה] : י' בטלנין . ב"א כשרים בטלים ממלאכתן לעסוק בצרכי צבור ולבא קודמין לבה"כ כדי שיהו מצויין עשרה לבית התפל' ומתפרנסים משל צבור : משחין . מחמם את הגוף : מכנים את האהבה . מתוך שמשמח את הלב .

אין הבית חלוט בה כדין בתי ערי חומה אלא גאולה תהיה לו אם ירצה לגאול ואם יגיע יובל יוצאת ביובל כבתי ערי חצרים : זיזין . קורה יוצאין מן הכתלים גזוזטראות אולטרליו"ר בלעז על פני עליה שבחוץ : כבשונות . משרפות סיד לקדירות : גינת . וורדין כך שמה והיא היתה צריכה לקטרת והיים כיפת הירדן ע"ש שדרך הורד לגדל על שפת הירדן : אין מלינים בה מת . מת בו אדם באותו היום קוברין אותו מיד : עריך . משמע שהבית

אוּנ מִיטְווָאךְ נִיט . אוּנ מֶען זָאל לֵייעֶנֶען דִיא תּוֹרָה דָאנֶערְשְׁטָאג . אוּנ פְרַייטָאג נִיט ; עֶס זָאל נִיט אַרִיבֶּער גֵיין דְרַייא טֶעג אָן תּוֹרָה . עֶנְטְפֶערְט דִיא גְמָרָא פְרִיעֶר אִיז גִיוֶועןְ דִיא תַּקָּנָה אַז אֵיין מֶענְטְשׁ זָאל לֵייעֶנֶען דְרַייא פְּסוּקִים . אָדֶער דְרַייא מֶענְטְשִׁין זָאלִין לֵייעֶנֶען דְרַייא פְּסוּקִים . וְיֶעדֶער זָאל לֵייעֶנֶען אֵיין פָּסוּק . גֶעגֶען כֹּהֲנִים לְוִיִּם יִשְׂרְאֵלִים אִיז גִיקוּמֶען עֶזְרָא אוּנ הָאט גִימַאכְט אַתַּקָּנָה מֶען זָאל לֵייעֶנֶען צוּא דְרַייא מֶענְטְשִׁין צֶעהֶן פְּסוּקִים וצוּא אֵיינֶעם דְרַייא פְּסוּקִים צוּם אַנְדֶערִין דְרַייא פְּסוּקִים צוּם דְרִיטֶען פִיר פְּסוּקִים) גֶעגִין דִיא צֶעהֶן בַּטְלָנִים וְואס דַארְפִין זַיין אִין יֶעדֶער שְׁטָאט וְאִין אַשְׁטָאט דַארְף זַיין צֶעהֶן מֶענְטְשִׁין לֵיידִיגֶע זַייא זָאלִין נִיט טָאהֶן קֵיין אַרְבֶּעט . נַאר דִיא שְׁטָאט זָאלִין זַייא גֶעבִּין פַּרְנָסָה . אוּנ דִיא צֶעהֶן מֶענְטְשִׁין זָאלִין קוּמֶען פְרִיא אוּנ אָבֶענְד אִין שׁוּהְל צוּם דַאוְונֶען) :

יח תָּנוּ רַבָּנָן ; דִיא רַבָּנָן הָאבֶּען גִירֶערוּנְט פִינְף זַאכֶען אִיז גִזָאגְט גִיוָוארִין בַּייא קְנָאבִּיל . עֶס מַאכְט זַאט . אוּנ עֶס הֶער וַוארֶעמְט דֶעם מֶענְטְשׁ . אוּנ עֶס מַאכְט שֵׁיין דֶעם פָּנִים . אוּנ עֶס מֶערְט דִיא שִׁכְבַת זֶרַע . אוּנ עֶס הַרְגֶ'ת דִיא וֶוערִים וָואס אִין בּויךְ . אוּנ אַנְדֶערֶע זָאגִין דָס בְּרֵיינְגְט אִין דֶעם מֶענְטְשִׁין לִיבְשַׁאפְט . עֶר זָאל לִיבּ הָאבֶּען אַלֶע מֶענְטְשִׁין אוּנ עֶר זָאל קֵיינֶעם נִיט מְקַנֵּא זַיין :

יט עֲשָׂרָה . צֶעהֶן זַאכֶען אִיז גִזָאגְט גִיוָוארִין בַּייא יְרוּשָׁלַיִם . אַז אֵיינֶער פַר קוֹיפְט אַשְׁטוּבּ אִין יְרוּשָׁלַיִם . אִיז דִיא שְׁטוּבּ נִיט פַאר פַאלֶען בַּייא דֶעם וָואס הָאט אִיר גִיקוֹיפְט נָאר וֶוען דֶער פַאר קוֹיפֶער הָאט גֶעלְט גִיט עֶר צוּרִיק דָאס גֶעלְט אוּנ נֶעמְט אָפּ דִיא שְׁטוּבּ . אוּנ אַז עֶר הָאט נִיט אוֹיס גִילֵייזְט דִיא שְׁטוּבּ בִּיז יוֹבֵל . אַז עֶס קוּמְט יוֹבֵל גֵייט דִיא שְׁטוּבּ צוּם פַאר קוֹיפֶער אוּמְזִיסְט אָן גֶעלְט . אוּנ יְרוּשָׁלַיִם בְּרֵיינְגְט נִיט קֵיין עֶגְלָה עֲרוּפָה וְוִיא עֶס שְׁטֵייט אִין סוֹף סֵדְרָה שׁוֹפְטִים) . אוּנ יְרוּשָׁלַיִם וֶוערְט נִיט קֵיין עִיר הַנִּדַּחַת וְוִיא עֶס שְׁטֵייט אִין דִיא סֵדְרָה רְאֵה קַפִּיטוּל יג) . אוּנ אַז עֶס אִיז דָא אַנֶגַע אִין אַשְׁטוּבּ אִין יְרוּשָׁלַיִם . אִיז דִי שְׁטוּבּ נִיט טְמֵא . אוּנ פוּן דִי שְׁטוּבִּין וָואס אִין יְרוּשָׁלַיִם טָאר נִיט אַרוֹיס גֵיין קֵיין בֶּעקְלֶעם אוּנ קֵיין גַאנֶעקִיס פוּן דִיא וואנְט אוֹיף דִיא גַאס . אוּנ מֶען טָאר נִיט מַאכִין קֵיין מִיסְט קַאסְטִינְס אִין יְרוּשָׁלַיִם . אוּנ מֶען טָאר נִיט מַאכִין אִין יְרוּשָׁלַיִם קַאלְךְ הוֹיבִינְס צוּ בְּרֶענֶען וַואפְּנֶע אוּנ טֶעפּ . אוּנ מֶען טָאר נִיט מַאכִין אִין יְרוּשָׁלַיִם קֵיין גֶערְטְנֶער אוּנ קֵיין וַויינְגֶערְטְנֶער . נָאר אַרוֹיזִין גָארְטִין מֶעג מֶען מַאכִין אִין יְרוּשָׁלַיִם . וַוייל וֶוען ; יא עֶרְשְׁטֶע נְבִיאִים זֶענֶען גִיוֶוען אִין יְרוּשָׁלַיִם אִיז אִין זֵייעֶר צַייט אוֹיךְ גִיוֶוען רוֹיזִין גָארְטִינְס אִין יְרוּשָׁלַיִם . וַוייל דִיא רוֹיזִין דַארְף מֶען צוּא קְטֹרֶת . אוּנ

הבית הלוט בה דכתיב (ויקרא כה) וקם הבית אשר בעיר אשר לו חומה לצמיתות לקונה אותו לדורותיו וקסבר לא נהלקה ירושלים לשבטים ואינה מביאה ע"ע דכתיב (דברים כא) כי ימצא חלל באדמה אשר ה' אלהיך נותן לך לרשתה וירושלים לא נחלקה לשבטים ואינה נעשית עה"נ דכתיב עריך וירושלי' לא נחלקה לשבטים ואינה כטמאה בנגעים דכתיב (ויקר' יד) ונתתי נגע צרעת בבית ארץ אחזתכם וירושלים לא נתחלקה לשבטים ואין מוציאין בה זיזין וגזוזטראות מפני אהל הטומאה ומשום דלא ליתזקו עולי רגלים ואין עושין בה אשפתות משום שקצין ואין עושין בה כבשונות משום קוטרא ואין עושין בה גנות

פירוש: יהא נמי מיוהדת כיה: אהל הטומאה: שמא יהא כזית מן המת מוטל בארץ והגזוזטראות מאהילות עליו ועל אהבים הרבה ונמצאת מרבה את הטומאה: מפוס הרגלים. דרכן ליגדל באשפה ומרבים טומאה לפי שמהים שם ומטמאים הקדשים שבירושלים: קוטרא. עשן שמשחיר את החומה וגנאי הוא: סרחון

מען טאר ניט אדעוועון הינער אין ירושלים. אונ מען טאר ניט קאזין נעכטיגען אמת אין ירושלים: זאגט דיא גמרא פאר וואס אז איינער פארקויפט אשטוב אין ירושלים איז זיא ניט פארפאלין בייא דעם קויפער. ווייל עס שטייט אין פסוק דיא שטוב. וואס אין דיא שטאט וואס זיא האט אמאהער ארום זאל בלייבין שטיין אויף אייביג צו דעם וואס האט איר גיקויפט אונ צוא זיינע קינדער נאך אים. אויב דיא שטוב קען בלייבין בייא דעם קויפער פאר אים אונ פאר זיינע קינדער בלייבט זיא בייא אים. אבער ירושלים איז ניט צו טיילט גיווארען צו דיא שבטים. נאר אלע יודין האבין אהלק אין ירושלים. ווערט דאך דיא שטוב ביי וויא סיא ניט בלייבין בייא אים אונ בייא זיינע קינדער אויף אייביג. דריבער קען דער פאר קויפער זיא אויס לייזין צו יעדער צייט ווען ער האט געלט. אונ אז ער האט ניט אויס גילייזט ביז יובל. גייט זיא צום פאר קויפער אום יובל פריי אן געלט. פאר וואס דארף ירושלים ניט ברייגגען אעגלה ערופה: ווארום עס שטייט אין פסוק אז עס וועט גיפונען ווערין אגיהרגתר אויף דיא ערד וואס גאט גיט דיר צום ירשנן: אבער ירושלים איז ניט צו טיילט גיווארין צוא שבטים. איז דאך ירושלים ניט גערירשת גיווארין. פאר וואס ווערט ניט ירושלים אעיר הנדחת ווייל שטייט אין פסוק עריך. אין איינע פון דיינע שטעט. אינ ירושלים איז ניט צוא טיילט גיווארין צוא שבטים. ווערט דאך ירושלים ניט גירופין דיין שטאט. ווארום זיא גיהער צוא אלע יודין. פאר וואס אז עס איז דא אנגע אין אשטוב אין ירושלים. ווערט ניט טמא דיא שטוב. ווארום עס שטייט אין פסוק איך וועל געבין אנגע צרעת אין דיא שטוב וואס אין דיא לאנד וואס איר האט זיא גערירשת. אבער ירושלים איז ניט צוא טיילט גיווארין צוא שבטים. איז ירושלים ניט גערירשת גיווארין. פאר וואס טאר מען ניט ארויס ציהען בעלקינס אונ גאנעקעס פון דיא שטובין וואס זענען אין ירושלים. דורך צווייא זאכין. איינס עס זאל ניט גימערט ווערין טומאה. אז פון שטוב וועט ארויס גיין אבעלעק אדער אגאנעק טאמער וועט ליגען אונטער דעם בעלעק אדער אונטער דעם גאנעק אשטיקיל פלייש פון אמת גרויס וויא אאייבערט. וועלכער מענטש עס וועט גיין אונטער דעם בעלעק אדער אונטער דעם גאנעק. אדער וועלכע כלים אונ עסינוואורג עס וועט דורך גיטראגין ווערין אונטער דעם בעלעק אדער אונטער דעם גאנעק וועט אלין טמא ווערין. אונ אז עס וועט קומען יום טוב וואס אין ירושלים זענען דא פיל מענטשין אונ דיא גאסין זענען איינג פון מענטשין אונ איינער שטויסט דעם אנדערין אז פון וואנט וועט ארויס גיין בעלקעס אונ גאנקעס. וועלין זיך פיל מענטשין שאדין מאכין. פאר וואס זאל מען ניט מאכין אין ירושלים קיין מיסט קאסטינס: ווייל אויף דיא מיסט קאסטינס אדעוועון זיך שרצים אונ זייא פיגערין דארט וועט גימערט ווערין טומאה אין ירושלים. פאר וואס טאר מען ניט מאכין אין ירושלים קאלך הויבינס. ווייל דער רויך פון דיא קאלך הויבינס מאכט שווארץ דיא ווענט פון דיא הייזער איז ניט שיין. פאר וואס מאר מען ניט מאכין אין ירושלים גערטנער אונ ווייין גערטנער ווייל גערטנער דארף מען מיסטען. וועט שטינקען אין ירושלים פון דיא מיסט. אונ ווייין גערטנער

גנות ופרדסין משום סרחון ואין מגדלין בה תרנגולים משום קדשים ואין מלינים בה את המת גמרא:

ב ת"ר כשצרו בית חשמונאי זה על זה היה הורקנוס מבפנים ואריסטובלוס מבחוץ ובכל יום היו משלשלים להם בקופה דינרין והיו מעלים להם תמידים היה שם זקן אחד שהיה מכיר בחכמת יונית אמר להם כ"ז שעוסקין בעבודה אין נמסרים בידכם למחר שלשלו דינרין בקופה והעלו להם חזיר כיון שהגיע לחצי החומה נעץ צפרניו בחומה ונזדעזעה א"י ארבע מאות פרסה על ד' מאות פרסה באותה שעה אמרו ארור האיש שיגדל חזירים וארור האדם שילמד את בנו חכמת יונית ועל אותה שעה שנינו מעשה שבא עומר מגנות צריפין ושתי הלחם מבקעת עין סוכר. וחכמת יונית מי אסירי והתניא אמר רבי בא"י (דף פג) לשון סורסי למה

סרחון. שעושים רעים הגדלים שם וזורקין בתוך ועוד דרך גנות לזבלן ויש סרחון: משום קדשים. שהתרנגולים מנקרים באשפה ומביאים בשר שרלים כפיסה ומטמאים את הקדשים: גמרא. מסורת בית בידינו ואין טעם לדבר:

הורקנוס ואריסטובלוס אחין היו ומריבין על דבר המלוכה: היו משלשלין אותן. שבפנים מורידין מעל החומה דינרין מתרומת הלשכה בקופה לאותן שבחוץ לקנות תמידין: נעץ צפרניו. תקע שכן דרך החזיר כשגוררין אותו: ועל אותה שעה שנינו. במנחות: מעשה שבא העומר. שהיה רגיל לבוא מן הקרוב לירושלים אותה שעה בא מגנות צריפין רחוק מירושלים לפי שהחריבו בני המצור את תבואות השדה: מבקעת עין סוכר. שם מקום: לשון סורסי למה אלא או לשון הקדש או לשון יונית.

וואקסט אין זייא שלעכטע גראז אונ מען רייסט זייא אויס אונ זייא בלייבן ליגען אונ ווערין פאר פוילט שטינקט אויף פון זייא. פאר וואס טאר מען ניט אדעוועטן קיין הינער אין ירושלים. ווייל הינער גייען ארום אויף די מיסטען אונ קלויבן ווערים. טאמער ווערין זייא נעמען אין מויל א בייגדיל פון א שרץ גרויס וויא א ליגדז. אונ ווערין דאס ארויף ווארפן אויף פלייש פון קרבנות. וואס עס איז דא אין ירושלים אין אלע שטובין. שלמים תודה מעשר בהמה אונ נאך אנדערע קרבנות. פאר וואס טאר ניט נעכטיגען א מת אין ירושלים. אויף דעם האבן אונזערע עלטערין פאר באטן אונ מיר ווייסן ניט פאר וואס:

ב תנו רבנן. די רבנן האבין גילערונט ווען די משפחה חשמונאי האבין באגערט איינער אויף דעם אנדערין דאס מיינט מען די צוויא ברידער הורקנוס אונ אריסטובלוס. איז הורקנוס גיוועזן אינווייניג אין ירושלים. אונ אריסטובלוס איז גיוועזן אויס ווייניג אויסער ירושלים אלע טאג פלעגין די מענטשין פון אינווייניג אראפ לאזין אין א קעסטיל געלט צוא די מענטשין וואס זענען גיוועזן אויס ווייניג זייא זאלין קויפין שעפסין מקריב זיין דעם קרבן תמיד אונ די מענטשין וואס זענען גיוועזן אויס ווייניג פלעגין זייא ארויף געבין שעפסין צו מקריב זיין תמידים. איז דארט גיוועזן אויס ווייניג א אלטער מאן וואס האט גיקענט די גריכישע חכמות. האט ער צוא זייא גיזאגט אזוי לאנג וויא זייא זענען מקריב קרבנות אין ירושלים וועט איר זייא ניט איין נעמען. אויף מארגין האבען די מענטשין פון אינווייניג אראפ גילאזין געלט אין א קעסטיל מען זאל קויפין שעפסין. אונ זייא פלעגין אראפ לאזין שטריק מען זאל אנבינדען די שעפסין מיט די שטריק אונ זייא זאלין ארויף ציהען די שעפסין אינווייניג אין שטאט אריין. האבען זייא אנגיבונדין א חזיר אויף די שטריק. אונ די מענטשין פון אינווייניג האבען גישלעפט די שטריק. זייא האבען גימיינט זייא שלעפין שעפסין. וויא דער חזיר איז גיקומען צום העלפט מאהער. האט דער חזיר אריין גישטעקט זיינע נעגיל אין וואנט. האט ארץ ישראל א ציטער גיטאהן פיר הונדערט מייל אויף פיר הונדערט מייל. אין דער צייט האט מען גיזאגט פאר פלוכט זאל זיין דער מענטש וואס וועט אדעוועטן חזירים אין ארץ ישראל אונ פאר פלוכט זאל זיין דער מענטש וואס וועט לערנען זיין זוהן די גריכישע חכמות. אויף די צייט פון דער מלחמה האבין מיר גילערונט עס האט גיטראפין מען האט גיבראכט דעם עומר פון די גערשטין וואס האט גיוואקסין אין דעם ארט גנות צריפין. ווייט פון ירושלים. אונ דעם שתי הלחם ודיא צוויא ברויט וואס מען איז מקריב שבועות) האט מען גיבראכט פון די ווייץ וואס האט גיוואקסין אין דעם טאהל עין סוכר. אויך ווייט פון ירושלים. ווארום דער חיל פון אריסטובלוס האבען צוא טרעטין אלע תבואות וואס ארום ירושלים. פרעגט די גמרא טאר מען רעדן ניט

הוא לשון לע״ז וכורסי לשון נלעג הוא : פרסי . לשון אלא מארמי בארץ ישראל הסמוכה ליון נקט יוני ובבל הסמוך לפרס נקט ל׳ פרסי : חכמת יונית . בני פלטין הקרובים למלכות מספרין בה : עיני עוללה לנפשי . ל״ג מ״ד כלומר כך א״ר שמעון קורא אני על עצמי כמקרא הזה שיש עלי לעולל עיני בבכי ודמעה מכל משפחות העיר : ילדים . בחורים : המספר קומי . לאמים במלח : מדרכי האמורי . שמספרים מלפניהם ומגדלין בלורית מאחריהן :

או לשון הקדש או לשון יונית ואמר רבי יוסי בבבל לשון ארמי למה או לשון הקדש או לשון פרסי אמ״י לשון יונית לחוד וחכמת יונית לחוד . וחכמת יונית כי אסירא והאמר רב יהודה אמר שמואל משום רשב״ג (איכה ג) עיני עוללה לנפשי מכל בנות עירי אלף ילדים היו בבית אבא ה׳ מאות מהם למדו תורה וחמש מאות מהם למדו חכמת יונית ולא נשתייר מהם אלא אני כאן ובן אחי אבא בעסיא אמרי שאני בית ר״ג שהיו קרובים למלכות וכדתניא המספר קומי הרי זה מדרכי האמורי אבטולמוס בר ראובן התירו לו לספר קומי מפני שהוא קרוב למלכות של בית ר״ג התירו להם לספר בחכמת יונית מפני שקרובים למלכות :

כא ת״ר לא יגדל אדם את הכלב אלא א״כ קשור בשלשלת אבל מגדל הוא בעיר הסמוכה לספר וקושרו ביום ומתירו בלילה וכו׳ :

כב דרש רבי דוסתאי דמן בירי (במדבר י) ובנחה יאמר שובה ה׳ רבבות אלפי ישראל ללמדך שאין השכינה שורה על ישראל פחות משני אלפים

רעדען די גריכישע חכמות , מיר האבען דאך געלערנט רבי זאגט צו וואס רעדט מען אין ארץ ישראל דעם לשון סורסי . מען דארף נאר רעדען אדער לשון קדש אדער גריכיש . אונ רבי יוסי האט געזאגט צו וואס לערנט מען אין בבל דעם לשון ארמיש מדארף נאר רעדען אדער לשון קדש אדער לשון פערסיע . זעהן מיר דאך אז מען מעג רעדען גריכיש . ענטפערט די גמרא די גריכישע שפראכע מעג מען רעדען . אבער די גריכישע חכמות טאר מען ניט רעדען . פרעגט די גמרא אונ די גריכישע חכמות טאר מען ניט רעדען . רב יהודה האט דאך געזאגט פון שמואלס וועגין אז רבן שמעון בן גמליאל האט אויף זיך געלייענט דעם פסוק עיני עוללה לנפשי מכל בנות עירי . מיינע אויגען זענען פאר מיאוסט געווארין פון געוויין וואס איך האב געווינט מער ווי אלע טעכטער פון מיין שטאט . טויזענד יונגע מענטשין איז געוועזען אין מיין פאטערס משפחה : פינף הונדערט פון זיי האבען געלערנט תורה . אונ פינף הונדערט פון זיי האבען געלערנט גריכישע חכמות . אונ די אלע טויזענד זענען געשטארבען . פון זיי איז ניט מער געבליבען נאר איך דא אונ דער זוהן פון מיין פאטערס ברודער וואס ער וואוינט אין עסיא ; אז מען וואלט ניט געטארט לערנען די גריכישע חכמות . וויא אזוי האבען די משפחה פון רבן גמליאל געלערנט די גריכישע חכמות . ענטפערט די גמרא וויל די משפחה פון רבן גמליאל פלעגין אריין קומען צו די גרויסע לייט פון דער מדינה האבען זיי געמוזט קענען די גריכישע חכמות . אזוי וויא מיר האבען געלערנט דער וואס גאלט אפ די האר פון פאדערשטין האלבין קאפ . האט ער געטאהן וויא די אמוריים . טאר מען ניט . צו אבטולמוס בר ראובן האט מען מתיר געוועזען ער זאל אפ גאלין דעם פאדערשטין האלבין קאפ ; וויל ער גייט אריין צו די גרויסע לייט פון דער מדינה . אונ צו דער משפחה פון רבן גמליאל האט מען מתיר געוועזען צו שמועסין די גריכישע חכמות . וויל זייא גייען אריין צו די גרויסע לייט פון דער מדינה :

כא תנו רבנן . די רבנן האבען געלערנט אמענטש זאל ניט אדעוועען אהונט סיידין ער איז אן געבונדען מיט אקייט . אבער אין אשטאט וואס איז נאנט צו אגרענעץ מעג מען אדעוועען אהונט . ביים טאג זאל ער זיין צו געבונדען . אונ ביים נאכט זאל ער אים אויף בינדען :

כב דרש . רבי דוסתאי פון בירי האט געדרשת עס שטייט אין פסוק ווען דער ארון האט גערוהט פלעגט משה זאגין גאט קער צוריק די צוויי צעהן טויזענדער אונ די צוויי טויזענד יודין . דר פסוק לערנט אונז אז די שכינה רוהט ניט אויף די יודין אז זייא זענען ווייניגער ווי צוויי

אלפים ושני רבבות חסר אחד והיתה אשה עוברה ביניהם וראויה להשלים ונבח בה כלב והפילה נמצא זה גרם לשכינה שתסתלק מישראל :

מ״מ. יינשבע״ו כלט״ז ל״ת ד׳ שני הכלב המחריכות שבו נושך קך שמעתי (בבכ״רוה) : [שקילא טיבותך וכו׳. נטולה היה טובתך ומוטלת על הקוצים מה שאתה מגהמני הכל : כבר נד. ונעקר ממקומו] :

כג ההיא אתתא דעאלת למיפא בההוא ביתא נבח בה כלבא א״ל מאריה לא תסתפי מיניה שקילי גביה אמרה ליה שקילא (טיבותיה דההוא גברא) [טיבותיך] שדיא אחיזרי כבר נד ולד.

החובל פרק שמיני

(דף פה:) **א ורפא** ירפא (שמות כא) יכול אפילו שלא כחמת המכה ת״ל רק] אמר מר יכול אפילו שלא מחמת המכה ת״ל רק שלא מחמת המכה בעי קרא אמרי מאי שלא מחמת המכה כדתניא הרי שעבר על דברי רופא ואכל דבש א. כל מיני מתיקה מפני

אונ צוואנציג טויזענד. וויא איז אז עס איז אמאהל געוועזן צוויא אונ צוואנציג טויזענד יודין. ווייניגער איינעם. איינער האט געפעלט צו צוויי אונ צוואנציג טויזענד. האט דיא שכינה ניט גירוהט אויף דיא יודין. צווישען דיא יודין איז געוועזן אאשה וואס איז געוועזן מעוברת. האט מען גיווארט אז דיא אשה וועט האבען אקינד וועט שוין זיין צוויא אונ צוואנציג טויזענד יודין וועט שוין רוהען דיא שכינה. דער ווייל האט איינער גיאדעוועט אהונט. אונ דער הונט האט אנגיהויבען בילען אויף דיא אשה. האט זיך דיא אשה דער שראקין אונ האט מפיל גיוועזן דאס קינד. איז דאך שוין ווייטער נישטא קיין צוויי אונ צוואנציג טויזענד יודין. האט דאך דער בעל הבית פון הונט גיבראכט דער צו אז דיא שכינה זאל אפ גיטאהן ווערין פון דיא יודין :

כג ההיא. אאשה איז אמאהל אריין גיגאנגען אין אשטוב צום באקין. האט אהונט געבילען אויף איר. האט דער בעל הבית פון שטוב גזאגט צוא דיא אשה זאלסט ניט מורא האבען פאר דעם הונט ער האט ניט קיין ציין. האט דיא אשה גזאגט צום בעל הבית נעם דיין טובה אונ לייג זיא אויף דיא דערנער. דאס קינד האט זיך שוין געריערט פון ארט. איך וועל אים געוויס מפיל זיין :

פרק שמיני

א ורפא. עס שטייט אין פסוק אז איינער האט גישלאגין זיין חבר. אונ דער חבר איז קראנק גיווארין. דארף ער דינגען אדאקטאר מען זאל אים היילין. וואלט איך מיינען אפילו ער איז קראנק גיווארין ניט פון דעם שלאגין. דארף ער אויך דינגען אדאקטאר מען זאל אים היילין. שטייט אין פסוק רק. נאר. נאר פון דעם שלאגין אז ער איז קראנק גיווארין דארף ער דינגען אדאקטאר מען זאל אים היילין. אבער אז ער איז קראנק ניט פון דעם שלאגין דארף ער ניט דינגען אדאקטאר מען זאל אים היילין. פרעגט דיא גמרא דער תנא זאגט איך וואלט מיינען אפילו ער איז קראנק גיווארין ניט פון דעם שלאגין זאל ער אויך דארפין דינגען אדאקטאר אים צו היילין. דריבער שטייט אין פסוק רק. נאר פון דעם שלאגין אז ער איז קראנק גיווארין דארף ער דינגען אדאקטאר מען זאל אים היילין. אבער אז ער איז קראנק ניט פון דעם שלאגין דארף ער ניט דינגען אדאקטאר מען זאל אים היילין. איז דאך אקשיא אז ער איז קראנק ניט פון דעם שלאגין דארף מען האבען אפסוק אז ער דארף אים ניט היילין. געוויס דארף אזוי זיין אן דעם פסוק. ענפערט דיא גמרא וואס מיינט מען ניט פון שלאגין. אזוי וויא מיר האבען גילערנט. איינער האט גישלאגין זיין חבר אונ ער האט אים גימאכט אמכה. אונ דער דאקטאר האט אים פאר זאגט ער זאל ניט עסין קיין האניק אונ קיין זיסע זאכען. ווייל האניק אונ אנדערע זיסע זאכען שאדין צו דער מכה. אונ ער האט ניט גיפאלגט דעם דאקטאר. אונ ער האט יא גיגעסין האניק

מפני שדבש וכל מיני מתיקה קשין למכה והעלה מכתו גרג' תני יכול יהא חייב לרפאותו ת"ל רק מאי גרגותני אמר אביי נאתא כריכתא מאי אסותיה אהלא וקירא וקלבא ואי א"ל אסיך אנא א"ל דמית עלי כארי'א ארבא ואי א"ל אייתינא אסיא דמגן במגן א"ל אסיא דמגן במגן מגן שוי' ואי אמר מייתינא לך אסיא רחיקא א"ל אסיא רחיקא עינא עווירא ואי א"ל הך הב לדידי ואנא מסינא נפשאי א"ל פשעת בנפשך ושקלה מינאי טפי ואי א"ל קוץ לי מקץ א"ל כל שכן פשעת בנפשך וקרו לי שור המזיק:

נאתא כריכתא. בשר מת: אהלא. אהלמ"י בלע"ז: וקירא. שעוה: וקלבא. ריבינ"א שבת. יוה של יין: ואי א"ל. מזיק: אסייך אנא. אני מרפא אותך ואיני נותן דמי אסיין: רחיקא. ומוזיל גבי: עינא עוירא. שעתיד לילך לדרכו ואין חושש אם יעור עינו של זה: אסיא דמגן. שירפא בחנם וקרוב הוא: כ"ש. דלא ניחא לי בהכי דהוי פשעת בנפשך גנאי גדול הוא לי דקרו לי שור המזיק:

וכולן. עניים ועשירים: רואין אותם. אפי' את העשירים: כאילו ירדו כו'. ואין שמין העני לפי עניותו להקל ולא את העשיר לפי עשרו שהרי אין לדמי

(דף פו) ב [פיסקא] בשת הכל לפי המבייש והמתבייש. מני מתניתין לא רבי מאיר ולא ר' יהודה אלא רבי שמעון היא דתנן וכולן רואין אותן כאילו הם בני חורין שירדו מנכסיהם שהם בני אברהם יצחק ויעקב דברי רבי מאיר רבי יהודה

אונ אנדערע זיסע זאכען. אונ אויף דער מכה איז אויף געוואקסען גרגותני. ווארט איך מיינען א ער דארף דינגען דעם דאקטאר ער זאל אים היילען. שטייט אין פסוק רק. אז עס איז נאר פון דער מכה. דארף דער שלעגער דינגען אדאקטאר מען זאל אים היילען. אבער אז דער קראנקער האט ניט גיפאלגט דעם דאקטאר. דריבער איז ער קראנק געווארין. דארף ער ניט דינגען דעם דאקטאר מען זאל אים היילען. וואס איז גרגותני. אביי זאגט גרגותני איז נאתא כריכתא. ווילד פלייש. מיט וואס היילט מען דאס. מיט אהלא אונ קירא אונ קלבא. דאס איז וואקס אונ הייוון פון וויין אונ בשמים: אונ אויב דער שלעגער זאגט איך וויל ניט דינגען אדאקטאר נאר איך אליין וועל דיך היילען. קען דער קראנקער זאגין דוא ביסט ביי מיר גלייך וויא אלייב וואס לאקערט אויף מיר מיך צו הרגנן. אונ אויב דער שלעגער זאגט איך וועל ברייגגען אדאקטאר וואס וועט דיך היילען אומזיסט. קען דער קראנקער זאגין דער דאקטאר וואס היילט אומזיסט איז גאר ניט ווערט. אונ אויב ער זאגט איך וועל דיר ברייננען אדאקטאר פון זייטע שטאט. קען דער קראנקער זאגין אוויטער דאקטאר בלייבט דער אויג בלינד. דאס איז אמשל אויב אוויטער דאקטאר היילט איינעם אאויג. בלייבט דער אויג בלינד. ווארום ער היילט ניט גוט. ווייל ער איז נישטא מען זאל אים קענען מאנען פאר וואס האסטו ניט גוט אויס גיהיילט. אונ אויב דער קראנקער זאגט גיב מיר דאס געלט פון דאקטאר איך וועל מיך אליין היילען. קען דער שלעגער זאגין דוא וועסט דיך אליין שאדין מאכען עס זאל מיך פיל געלט קאסטין. אונ אויב דער קראנקער זאגט צום שלעגער זאג מיר וויפיל דוא וועסט מיר געבין פאר דעם היילונג. וועסטו שוין פריי זיין פון דעם דאקטער. קען דער שלעגער זאגין דאס וויל איך געוויס ניט. ווארום דוא וועסט דיך ניט היילין וועלין בכי בין דיינע מכות. אונ ווער דיך וועט זעהן וועט ער זאגין דאס זענען די מכות וואס דער מענטש האט אים גימאכט: וועט מען מיך אייביג דער מאנען צום שלעכטין:

ב פיסקא. בשת. אז איינער פאר שעמט זיין חבר. דארף מען זעהן ווער דער פאר שעמער איז. אונ ווער עס איז פאר שעמט געווארין. אזוי זאל מען אפ שאצין דאס בצאלונג. אויב אפראסטער מענטש פאר שעמט דארף ער מער בצאהלין. אונ אויב מען פארשעמט אאיידעלין מענטש דארף מען מער בצאהלין. פרעגט די גמרא וויא ווער וועט אויס קומען די משנה. ניט וויא רבי מאיר אונ ניט וויא רבי יהודה נאר וויא רבי שמעון. ווארום מיר האבען גילערינט אלע יודין אפילו די ארעמע זעהן מיר זייא גלייך וויא זייא האלטין גיוועזן פרייע מענטשין וניט פאר דונגען אונ ניט פאר קויפטו אונ גלייך וויא זייא וואלטין אמאל רייך גיוועזן. נאר זייא זענען אראפ גענידערט פון זייער פאר מעגין. ווארום זייא זענען די קינדער פון אברהם אונ יצחק אונ יעקב. דריבער זענען אלע יודין גלייך ארעמע אונ רייכע. אזוי זאגט רבי מאיר. רבי יהודה זאגט מען

יהודה אומר הגדול לפי גדלו והקטן לפי קטנו ר"ש אומר עשירים רואין אותם כאילו הם בני חורין שירדו מנכסיהם עניים כפחותין שבהם :

(דף פו) ג תניא רבי יהודה אומר סומא אין לו בושת וכן היה רבי יהודה פוטרו מכל מצות האמורות בתורה אמר רב ששת בריה דרב יהודה מ"ט דרבי יהודה אמר קרא (דברים ד) אלה העדות והחקים והמשפטים כל שישנו במשפטים ישנו במצות והוקים וכל שאינו במשפטים אינו במצות וחוקים אמר רב יוסף כריש הוה אמינא מ"ד הלכה כר"י דאמר סומא פטור מן המצות קא עבידנא יומא טבא לרבנן מ"ט דלא מפקידנא וקא עבידנא מצות והשתא דשמעינן להא דרבי חנינא דא"ר חנינא גדול המצווה ועושה ממי שאינו מצווה ועושה מאן דאמר לי אין הלכה כרבי יהודה עבידנא יומא טבא לרבנן מאי טעמא כי מפקידנא אית לי אגרא טפי :

בושתו כופ"ונה כולן שוין בכך : בפחותים שבהם : פחותים שבעניים לפי דכיון דעני הוא בושתו קלה : סומא אין לו בושת . פי' אם ביישו הוא את חבירו פטור : כל שישנו במשפטים . דהא איתקשו מכלל ושפטו : רב יוסף . מאור עינים הוה : והמתין כמתינו לה עד שראתה עומדת על פתח

(דף צ"ט) ד משנה מעשה באחד שפרע ראש האשה בשוק באת לפני רבי עקיבא והייבו ליתן לה ת' זוז א"ל רבי תן לי זמן ונתן לו זמן שמרה עומדת

שאצט יעדער מענטש בזונדער דעם גרויסן מענטש נאך זיין גרויסקייט . אונ דעם קליינעם מענטש נאך זיין קליינקייט . אונ אזוי זאל מען בצאהלין דאס פארשעמונג . רבי שמעון זאגט אז מען פארשעמט רייכע מענטשין זאל מען זייא שאצין גלייך וויא זייא וואלטין גיוועזן פרייע מענטשין וניט פאר דונגען אונ ניט פארקויפטו אונ גלייך ויא זייא וואלטין אמאהל רייך גיוועזן . נאר זייא זענען אראפ געגנידערט פון זייער פאר מעגין . דאס איז אמיטעלע בצאהלונג . ניט רייך אונ ניט ארעם . אונ ארעמע לייט צו מען פאר שעמט זייא וויא זייא וואלטין גיוועזן גאר דיא ארעמסטע . באדף מען פאר זייער פארשעמונג ווייניג בצאהלין :

ג תניא . מיר האבען געלערנט רבי יהודה זאגט אז אבלינדער פאר שעמט אמענטשין . דארף ער ניט בצאהלין . אונ אזוי האט רבי יהודה גיזאגט אז אבלינדער איז פטור פון אלע מצות וואס שטייט אין דיא תורה . רב ששת דער זוהן פון רב יהודה האט גיזאגט פאר וואס האלט רבי יהודה אז אבלינדער איז פטור פון אלע מצות . ווארום עס שטייט אין פסוק דאס זענען דיא עדות אונ דיא חקים אונ דיא משפטים . דער וואס דארף היטען דיא משפטים דארף ער היטען מצות אונ חוקים אויך . אונ אבלינדער דארף ניט היטען משפטים . דארף ער מצות אונ חוקים אויך ניט היטען . רב יוסף האט גיזאגט אמאהל פלעג איך זאגין דער וואס וועט קומען מיר זאגין אז דער דין איז וויא רבי יהודה וואס ער זאגט אז אבלינדער איז פטור פון מצות וועל איך מאכין איום טוב צוא דיא רבנן . ווייל איך בין בלינד אונ בין פטור פון מצות . אונ איך טוה יא מצות . איצט אז איך האב גיהערט וואס רבי חנינא האט גיזאגט אז דער וואס איז גיבאטין צוא מאהן מצות אונ ער טוהט מצות . איז ער גרעסער וויא דער וואס איז ניט גיבאטין אויף מצות אונ טוהט מצות . דער וואס וועט קומען מיר זאגין או דער דין איז ניט וויא רבי יהודה . נאר איך מוז מאהן מצות . וועל איך מאכין איום טוב פאר דיא רבנן . ווארום אז איך בין גיבאטין צוא טאהן מצות האב איך פאר מיינע מצות מער שכר :

ד מעשה . עס האט גיטראפן איינער האט אויף גידעקט דעם קאפ פון אאשה אין גאס . איז דיא אשה גיקומען פאר רבי עקיבא צוא אדין תורה : האט רבי עקיבא גיהייסן ער זאל איר געבין פאר דיא חרפה פיר הונדערט גילדין . האט דער מענטש גיזאגט צוא רבי עקיבא . רבי גיב מיר צייט איך זאל קענען בעקומען דיא פיר הונדערט גילדין איר צוא בצאהלין . האט רבי עקיבא אים אויס גיזעצט אצייט ווען ער זאל איר געבין דאס געלט . האט ער גיווארט ביז ער האט גיזעהן זיא שטייט אין טיר פון הויף . האט ער צו בראכין אקרוג פאר איר אונ אין דעם קרוג

עומדת על פתח חצירה ושיבר את הכד בפניה ובו כאיסר שמן גלתה את ראשה והיתה מטפחת ומנחת ידה על ראשה העמיד עליה עדים ובא לפני ר"ע א"ל לזו אני נותן ד' מאות זוז א"ל לא אמרת כלום החובל בעצמו אע"פ שאינו רשאי פטור אחרים שחבלו בו חייבים והקוצץ נטיעותיו אע"פ שאינו רשאי פטור אחרים חייבים:

הכד]: ובו כאיסר שמן. שמן שוה כאיסר: אע"פ שאינו רשאי. כדמפרש טעמא בגמרא. והקוצץ נטיעותיו אין רשאי דעובר בבל תשחית: חייבין. נטיעה בת שנה שוה כסף כדאמרינן בהכונס: לנפשותיכם אדרוש. מיד עצמכם אדרוש: וכפר

(דף צא ע"ב) **גמ׳** מאן תנא דשמעת ליה דאמר אין אדם רשאי לחבל בעצמו אילימא האי תנא הוא דתניא (בראשית ט) ואך את דמכם לנפשותיכם אדרוש ר"א אומר מיד נפשותיכם אדרוש את דמכם ודלמא קטלא שאני אלא האי תנא הוא דתניא מקרעין על המת ולא מדרכי האמורי א"ר אלעזר שמעתי המקרע על המת יותר מדאי לוקה משום בל תשחית וכ"ש גופו ודילמא בגדים שאני דפסידא דלא הדר הוא כי הא דר' יוחנן קרי למאני מכבדותיה ורב חסדא כד הוה מסגי ביני היזמי והיגי מדלי להו למאניה

איז געווען פאר אגראשין בוימאייל. האט זיא אפ גידעקט איר קאפ. אונ זיא האט איין גינעצט דיא האנט אין דיא אייל. אונ האט ארויף גילייגט דיא האנט אויף איר קאפ בשמירען דיא האר מיט דיא אייל אונ ער האט גישטעלט אויף דעם עדות. אז פאר איין גראשין האט זיא אליין אויף גידעקט איר קאפ. אונ ער איז גיקומען פאר רבי עקיבא. אונ ער האט גיזאגט צוא רבי עקיבא. רבי צוא דיא אשה זאל איך געבין פיר הונדערט גילדין. אונ דיא עדות האבין גיזאגט פאר רבי עקיבא אלץ וואס זייא האבין גיזעהן פון דיא אשה. האט רבי עקיבא גיזאגט צוא דעם מענטש. דוא האסט גאר ניט גיזאגט. דיינע רייד איז גאר ניט. אז איינער בייזט זיך אליין. אפילו ער טאר ניט. פון דעסטוועגין איז ער פטור. וואורום ווען ער בצאהלין. אבער אז אנדערע בילין אים זענין זייא חייב צו בצאהלין. אונ אז איינער האקט אוים זיינע אייגענע בוימער אפילו ער טאר ניט אוים האקין זיינע בוימער. פון דעסטוועגין איז ער פטור. וואורום ווען ער בצאלין. אבער אז אנדערע האקין אוים זיינע בוימער זענין זייא חייב צו בצאהלין. אזוי דיא אשה אויך. זיא אליין מעג זיך פאר שעמען. אבער דוא טאסט איר ניט פאר שעמען:

ה מאן. ווער איז דער תנא וואס ער האט גיזאגט אז א מענטש טאר ניט בייזין זיך אליין. וואלין מיר זאגין אז דאס איז דער תנא וואורום מיר האבין גילערנט עס שטייט אין פסוק נאר אייער בלוט צוא אייערע נפשות וועל איך פארשטין. רבי אליעזר זאגט דער פסוק מיינט פון אייערע נפשות וועל איך פארשטין אייער בלוט. אז איר וועט אייך אליין הרגנן. וועל איך שטראפין אייערע נשמות פאר וואס איר האט אייך אליין גיהרגת. זעהן מיר דאך אז רבי אליעזר האלט א מענטש טאר ניט הרגנן זיך אליין אזוי בייזין זיך אליין טאר ער אויך ניט. איז דער תנא רבי אליעזר. טאמער האלט רבי אליעזר נאר הרגנן טאר ניט א מענטש זיך אליין. אבער בייזין זיך אליין מעג ער יא. נאר דאס איז דער תנא. וואורום מיר האבין גילערנט מען מעג רייסן דיא קליידער פאר צער אויף א מת. אונ עס איז ניט אסור ווייל דיא אמוריים טוהען אויך אזוי. רבי אלעזר זאגט איך האב גיהערט אז איינער רייסט פיל קליידער אויף א טויטין קומט אים מלקות. ווייל אין דיא תורה שטייט בל תשחית. דוא זאלסט ניט פאר דארבין. מאדאך קליידער טאר מען ניט פאר דארבין. טאר מען דאך דאס לייב געוויס ניט פאר דארבין. זאגט דיא גמרא טאמער קליידער טאר מען ניט פאר דארבין ווייל דאס איז א שאדין וואס קען ניט צוריק קומען. אז מען צורייסט א קלייד קען זיא ניט צוריק גאנץ ווערין ווי פריער. אבער אז מען בייזט דאס לייב קען צוריק געזונד ווערין. ווי מיר זעהן רבי יוחנן האט גירופען זיינע קליידער זייא זענען מין כבוד. אז איך קלייד מיך אן מיט שיינע קליידער האב איך כבוד. אונ רב חסדא אז ער איז גיגאנגען צווישען דערנער האט ער אויף גיהויבען די קליידר.

למאניה אמר זה מעלה ארוכה וזה אינו מעלה ארוכה אלא האי תנא הוא דתניא (א"ר אלעזר הקפר ברבי מה ת"ל) (במדבר ו) וכפר עליו מאשר חטא על הנפש [וכי באיזה נפש חטא זה אלא שציער עצמו מן היין והלא דברים ק"ו מה זה שלא ציער עצמו אלא מן היין נקרא חוטא המצער עצמו מכל דבר עאכ"ו] :

ו אמר רב דיקלא דטעין קבא אסור למקצציה מיתיבי כמה יהא בזית ולא יקצצנו רובע שאני זיתים דחשיבי א"ר חנינא לא שכיב שיבחא ברי אלא דקץ תאנתא בלא זימניה אמר רבינא אם היה מעולה בדמים מותר תניא נמי הכי (דברים כ) רק עץ אשר תדע זה אילן מאכל כי לא עץ מאכל הוא זה אילן סרק וכי מאחר שסופו לרבות כל דבר מה ת"ל כי לא עץ מאכל הוא להקדים סרק למאכל (דף נג) יכול אפי' מעולה בדמים תלמוד לומר רק . שמואל אייתי ליה אריסיה תמרי אכיל

עליו : בנזיר כתיב : על הנפש . משמע שחטא בנפש אדם : מכל דבר . המסגף עצמו בתעניות : רובע . הקב : ואם היה מעולה בדמים . דמיו יקרים לבנין יותר משבח פירותיו : רק עץ אשר תדע . קרא יתירא הוא דה"ל למיכתב רק אשר לא הוא מאכל : זה עץ מאכל . וה"ק רק עץ אשר תדע אם איך יודע קרוב למצור אלא הוא קחנו ואפילו של מאכל : יכול אפילו מעולה בדמים . לקורה יותר מפירות יהא סרק קודם לו : ת"ל רק . מיעוט

אונ ער האט גזאגט אז איך וועל צוא רייסען דאס לייב . וועט זיא צוריק גיזונד ווערין . אונ אז איך וועל צוא רייסען דיא קליידער וועלין זייא ניט צוריק גאנץ ווערין . נאר דאס איז דער תנא . וואָרום מיר האבען גילערונט רבי אלעזר הקפר ברבי האט גזאגט עס שטייט אין פסוק דער נזיר זאל אויף זיך מכפר זיין ווייל ער האט געזינדיגט אויף אנפש . אויף וועלכין נפש האט ער געזינדיגט : נאר ער האט געזינדיגט אויף זיך אליין . וואס ער האט זיך מצער גיוועזן אונ האט ניט געטרונקען קיין וויין . איז דאך אקל וחומר . מאדאך דער נזיר וואס ער האט זיך ניט מער מצער גיוועזן נאר פון וויין . ווערט ער גירופען אזינדיגער . דער וואס איז זיך מצער פון אלע זאכען ער פאסט אונ עסט גאר ניט . הייסט ער געוויס אזינדיגער . אונ דער וואס רייסט זיין לייב אונ מאכט זיך ביילין הייסט ער אויך געוויס אזינדיגער :

ו אמר . רב זאגט אבוים וואס אויף אים וואקסט אקב טייטלען . טאר מען אים ניט אפ האקין . פרעגט דיא גמרא מיר האבען גילערונט וויא פיל איילבירטען זאל וואקסען אויף אאיילבירט בוים מען זאל אים ניט טארין אפ האקין . אפערטיל קב . זעהן מיר דאך אז עס וואקסט נאר אפערטיל קב טאר מען שוין ניט אפ האקין . ענטפערט דיא גמרא איילבירטען זענין טייער . דריבער אז עס וואקסט נאר אפערטיל קב איילבירטען טאר מען אויך ניט אפ האקין דעם בוים . אבער טייטלען זענען וועלוועלער . אויב עס וואקסט אויף דעם בוים אגאנצער קב טייטלען טאר מען אים ניט אפ האקין . אבער אז עס וואקסט ווייניגער וויא אקב מעג מען אים אפ האקין . רבי חנינא האט גזאגט מיין זוהן שיבחא איז גישטארבין ווייל ער האט אפ גיהאקט אפייגין בוים פאר דער צייט . ווען עס האט נאך אויף אים גיוואקסין פייגין : רבינא זאגט אז איינער האט אבוים וואס אויף אים וואקסט פירות . אונ דיא האלץ פון בוים איז מער ווערט וויא דיא פירות . מעג מען אים אפ האקין . זאגט דיא גמרא מיר האבען אויך אזוי גילערונט . עס שטייט אין פסוק נאר אבוים וואס דוא ווייסט (אז ער לאזט דיך ניט צו קומען צום פעסטונג) אפילו אויף אים וואקסט פירות מעגסטו אים אפ האקין . אונ אויב אויף דעם בוים וואקסט ניט קיין עסינווארג ער איז אליידיגער בוים מעגסטו אים אויך אפ האקין . איז דאך אקשיא אז מען מעג אלע בוימער אפ האקין . צוא וואס שטייט אין דיא תורה מען מעג אים אפ האקין ווייל אויף אים וואקסט ניט קיין עסינווארג . אפילו עס וואלט אויף אים וואקסין עסינווארג וואלט מען אים אויך מעגין אפ האקין . נאר פריער זאל מען אפ האקין דיא ליידיגע בוימער : טאמער וועט געניג זיין . אז מען זעהט מען מוז דיא בוימר מיט פירות אויך אפ האקין : מעג מען זייא אויך אפ האקין . איך וואלט מיינען אפילו דיא האלץ פון דעם ליידיגען בוים איז מער ווערט פון דעם בוים מיט דיא פירות . זאל מען אויך פריער אפ האקין דעם ליידיגען בוים . שטייט אין פסוק רק . ווייניגער

אבל טעים בהו טעמא דחמרא א"ל מאי האי א"ל ביני גופני קיימי אמר מכחשי בחמרא כולי האי למחר איתי לי מקורייהו רב חסדא חזא תאלי בי גופני א"ל לאריסיה עקרינהו גופני קני דיקלי דיקלי לא קני גופני :

קדמה : מקורייהו . מיזו שלהן ועיקרן נ"ל הבא לי קור שהוא רך לאכול וגדל בכיב שרשיו כלומר כלה מיקרס מפני שמפסיד ונאכל את הקור : גופני קני דקלי . מדמי היין יכולין אנו לקנות קרקעות ואילו דקלי לא קני גופני אין שבתן עולה אלא לדבר מיעט . כל אלו שאמרו . כלע מנה ומאתים וכ' מאות דמי בושת הם : אבל צער . שדואג על בושתו אינו

ז מַשְׁנָה אע"פ שהוא נותן לו אין נמחל לו עד שיבקש ממנו שנאמר (בראשית כ) ועתה השב אשת האיש וגו' ומנין שאם לא מחל לו שהוא אכזרי שנאמר (שם) ויתפלל אברהם אל האלהים: גמ' ת"ר כל אלו שאמרו דמי בושתו אבל צערו אפילו הביא כל אילי נביות שבעולם אין נמחל לו עד שיבקש ממנו שנא' (שם) השב אשת האיש כי נביא הוא ויתפלל בעדך . אשת נביא בעי אהדורי אשת אחר לא בעי אהדורי א"ר שמואל בר נחמני אמר ר' יונתן השב אשת האיש מכל מקום ודקא אמרת (שם) הגוי גם

צוּא מַאכְֿעֶן. נָאר אַז דֶערִי לֵיידִיגֶער בּוֹים אִיז וֶוינִיגֶער וֶוערְט וִויא דֶער בּוֹים מִיט פֵּירוֹת. זָאל מֶען אֶפּ הַאקִין דֶעם לֵיידִיגֶען בּוֹים פְּרִיֶער. אָבֶּער אַז דֶער לֵיידִיגֶער בּוֹים אִיז מֶער וֶוערְט וִויא דֶער בּוֹים מִיט פֵּירוֹת. זָאל מֶען דֶעם בּוֹים מִיט פֵּירוֹת פְּרִיֶער אָפּ הַאקִין. דֶער אָרִים (דֶער פֶּעלְד אַרְבֶּעטֶער) פוּן שְׁמוּאֵל הָאט אַמָאהל גִיבְּרַאכְט צוּ שְׁמוּאֵל טֵייטְלֶען. וִויא שְׁמוּאֵל הָאט גִיגֶעסִין דִיא טֵייטְלֶען הָאט עֶר פַאר זוּכְט אַטַעם פוּן וַויין אִין דִיא טֵייטְלֶען. הָאט שְׁמוּאֵל גְזָאגְט צוּם אָרִים פַאר וָואס הָאבֶּען דִיא טֵייטְלֶען אַטַעם פוּן וַויין. הָט דֶער אָרִים גְזָאגְט וַוייל דִיא טֵייטֶל בּוֹימֶער שְׁטֵייֶען צְווִישֶׁען וַויין שְׁטַאקִין. הָאט שְׁמוּאֵל גְזָאגְט אַז דִיא טֵייטְלֶען צִיהֶען אַטַעם פוּן דִיא וַויינְשְׁטָאקִין מַאכְֿעֶן זֵייא דָאךְ מָאגֶער דִיא וַויינְשְׁטַאקִין: מָארְגִין זָאלְסְטוּ אוֹיס רַייסֶען דִיא טֵייטֶל בּוֹימֶער וָואס צְווִישֶׁען דִיא וַויין שְׁטַאקִין אוּנ דוּא זָאלְסְט מִיר בְּרֶיינְגֶען פַאר אַסִימָן זֵייעֶרֶע וָוארְצְלֶען. רַב חִסְדָא הָאט גִיזֶעהִין טֵייטֶעל בּוֹימֶער שְׁטֵייֶען צְווִישֶׁען דִיא וַויינְשְׁטַאקִין. הָאט עֶר גְזָאגְט צוּ זַיין אָרִים רַייס אוֹיס דִיא טֵייטֶל בּוֹימֶער. פוּן וַויין שְׁטַאקִין קֶען מֶען פַאר דִינֶען צוּא קוֹיפֶען טֵייטֶל בּוֹימֶער. אָבֶּער פוּן טֵייטֶל בּוֹימֶער קֶען מֶען נִיט פַאר דִינֶען צוּ קוֹיפֶען וַויין שְׁטַאקִין:

ז מִשְׁנָה. אַף עַל פִּי. אֲפִילוּ עֶר בַּצָאהְלְט אִים פַאר אַלֶע שֶׁאדִינְס וָוס עֶר הָט אִים גִיטָאהן. פוּן דֶעסְטְוֶועגִין וֶוערְט אִים נִיט גִישֵׁיינְקְט פוּן הִימֶעל בִּיז עֶר זָאל בֶּעטִין בַּייא אִים עֶר זָאל אִים מוֹחֵל זַיין. אַזוֹי וִויא עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק גָאט הָאט גְזָאגְט צוּ אֲבִימֶלֶךְ גִיבּ צוּרִיק דִי וַוייבּ צוּ דֶעם מַאן. אוּנ בֶּעט אִים עֶר זָאל מִתְפַּלֵל זַיין פַאר דִיר. וֶועהְן מִיר אֲפִילוּ אֲבִימֶלֶךְ הָאט גִיגֶעבִּין צוּא אַבְרָהָם טוֹיזֶענְט טָאלֶער אוּנ שֶׁעפְּסִין אוּנ רִינְדֶער קְנֶעכְט אוּנ דִינְסְטִין. פוּן דֶעסְטְוֶועגִין הָאט עֶר אִים גִמוּזְט אִיבֶּער בֶּעטִין עֶר זָאל אִים מוֹחֵל זַיין. אוּנ פוּן וַואנֶען וֵוייסִין מִיר אוֹיבּ עֶר אִיז אִים נִיט מוֹחֵל. אִיז עֶר אַשְׁלֶעכְטֶער מֶענְטְשׁ. וָוארוּם עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק אַבְרָהָם הָאט מִתְפַּלֵל גִיוֶוען צוּא גָאט אוּנ גָאט הָאט אוֹיס גִיהֵיילְט צוּא אֲבִימֶלֶךְ. אָבֶּער אַז אַבְרָהָם וָואלְט נִיט מִתְפַּלֵל גִוֶוען וָואלט אֲבִימֶלֶךְ נִיט גִיהֵיילְט גִיוָוארִין. וָואלְט דָאךְ דָאס גִיוֶוען אַשְׁלֶעכְטִיגְקֵייט פוּן אַבְרָהָם. זָאגְט דִיא גְמָרָא דִיא רַבָּנַן הָאבֶּען גִילֶערוּנְט דָאס אַלְץ וָואס מֶען הָאט גְזָאגְט עֶר דַארְף בַּצָאהְלִין. דָאס אִיז נָאר פַאר דֶעם פַאר שֶׁעמֶען. אָבֶּער דֶעם צַעַר וָואס עֶר הָאט פוּן דֶעם וָואס עֶר שֶׁעמְט זִיךְ: אֲפִילוּ עֶר וֶועט בְּרֵיינְגֶען אַלֶע שֶׁעפְּסִין פוּן נְבָיוֹת אוּנ וֶועט זֵייא מַקְרִיב זַיין פַאר קָרְבָּנוֹת וֶועט מֶען אִים נִיט מוֹחֵל זַיין בִּיז עֶר זָאל בֶּעטִין בַּיי דֶעם מֶענְטְשׁ אַלֵיין עֶר זָאל אִים מוֹחֵל זַיין. אַזוֹי וִויא עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק גָאט הָאט גְזָאגְט צוּ אֲבִימֶלֶךְ גִיבּ צוּרִיק דִיא וַוייבּ צוּא דֶעם מַאן וָוארוּם עֶר אִיז אַנָבִיא וֶועט עֶר בֶּעטִין פוּן דֵיינֶעט וֶועגִין. פְרֶעגְט דִיא גְמָרָא וַוייל זִיא אִיז אַוַוייבּ פוּן אַנָבִיא דְרִיבֶּער דַארְף עֶר זִיא צוּרִיק גֶעבִּין. אָבֶּער אַוַוייבּ פוּן אַיין אַנְדֶערִין נִיט פוּן אַנָבִיא וָואלְט מֶען נִיט דַארְפִין צוּרִיק גֶעבִּין. הָאט רַבִּי שְׁמוּאֵל בַּר נַחְמָנִי גְזָאגְט פוּן רַבִּי יוֹנָתָן וֶועגִין אַזוֹי הָאט גָאט גְזָאגְט

גם צדיק תהרג הלוא הוא אמר לי אחותי היא והיא
גם היא אמרה אחי הוא נביא הוא וכבר למד אכסנאי
שבא לעיר על עסקי אכילה ושתיה שואלין אותו או
על עסקי אשתו שואלין אותו אשתך היא אחותך היא
מכאן לבן נח שנהרג שהיה לו ללמוד ולא למד . (שם) כי עצור עצר ה' א"ר אליעזר שתי
עצירות הללו למה אחת באיש שכבת זרע שתים באשה שכבת זרע ולידה
במתניתא תנא שתים באיש שכבת זרע וקטנים שלשה באשה שכבת
זרע וקטנים ולידה רבינא אמר שלשה באיש שכבת זרע וקטנים ופי
הטבעת ארבעה באשה שכבת זרע ולידה וקטנים ופי הטבעת . (שם) בעד כל
רחם אמרי דבי ר' ינאי אפילו תרנגולת של בית אבימלך לא הטילה ביצתה . אמר ליה
רבא לרבה בר מרי מנא הא מלתא דאמור רבנן כל המבקש רחמים על חבירו והוא צריך
לאותו דבר הוא נענה תחלה אמר ליה דכתיב (איוב מב) וה' שב את שבות איוב בהתפללו
בעד רעהו א"ל את אמרת מהתם ואנא אמינא מהכא (בראשית כ) ויתפלל אברהם אל האלהים
וירפא

כמאל לו : שהיה לו ללמוד ולא למד . דרך ארץ מדקאמר ליה דהשתא נביא הוא דמשמע אין ממש בדבריך וראוי אתה ליהרג : שכבת זרע . במעי אשה לא יכולה לפלוט : פי טבעת . נקב הגדולים

גיב צוריק דיא ווייב צו דעם מאן . ווערה דער מאן איז דארף מען אים אלץ צוריק געבין זיין ווייב . נאר וואס דו זאגסט צוא מיר אפאלק וואס איז גירעכט ווילסטו הרגנן . ער אליין האט דאך מיר גיזאגט אויף שרה זיא איז מיינע אשוועסטער . אונ זיא האט מיר גיזאגט אויף אברהם ער איז מיינער אברודער . האט גאט גיזאגט אברהם איז אנביא . אונ ער האט גיוואוסט אז ער וועט ניט אזוי זאגין וועט מען אים הרגנן . אונ וואס דוא זאגסט דו ביסט גירעכט דוא האסט ניט גיוואוסט אז זיא איז אווייב . אברהם האט איך גילערונט אז אפרעמדער מענטש קומט אין אשטאט זאל מען אים נאר פרעגין אויב ער וויל עסין אדער טרינקען . אבער נישט מען זאל אים פרעגין אויף זיין ווייב . אויב זיא איז אווייב אדער אשוועסטער . האט איר בעדארפט טאהן וויא אברהם האט איך גילערונט . אונ אז איר האט ניט אזוי גיטאהן קומט אייך צו הרגנן . פון דאנען ווייסין מיר אז אבן נח ווערט גיהרגת ווייל ער האט גידארפט לערנען אונ ער האט ניט גילערונט ; אין פסוק שטייט כי עצור עצר ה . גאט האט אויף גיהאלטין . רבי אליעזר האט גיזאגט צו וואס שטייט צווייא מאהל דער ווארט אויף האלטין . בייא זכרים איז אויפגיהאלטין גיווארין איין זאך די שכבת זרע . אונ בייא נקבות איז אויפגיהאלטין גיווארין צווייא זאכין דיא וואס זענען גיוועזן מעוברת האבען ניט גיקענט גיבארין דאס קינד . אונ דיא וואס זענען ניט גיוועזן מעוברת האט פון זייא ניט גיקענט ארויס גיין זייערע שכבת זרע ; אין אברייתא האבען מיר גילערנט צווייא זאכין זענען אויף גיהאלטין גיווארין בייא זכרים . שכבת זרע אונ השתנה . אונ דרייא זאכין איז אויף גיהאלטין גיווארין בייא נקבות . שכבת זרע . אונ השתנה . אונ זייא האבען ניט גיקענט גיבארין קינדער . רבינא זאגט דרייא זאכין איז אויף גיהאלטין גיווארין בייא זכרים . שכבת זרע אונ השתנה אונ צואה . אונ פיר זאכין איז אויף גיהאלטין גיווארין בייא נקבות . שכבת זרע אונ קינדער האבען אונ השתנה אונ צואה . עס שטייט אין פסוק גאט האט אויף גיהאלטין אלע מוטער לייבער . דבי רבי ינאי זאגין אפילו אהון וואס איז גיוועזן בייא אבימלך אין שטוב האט נישט גילייגט איר איי וואס זיא האט גיהאט אין בויך . רבא האט גיזאגט צו רבה בר מרי פון וואנען ווייסין מיר דיא זאך וואס דיא רבנן האבען גיזאגט דער וואס בעט בייא גאט ער זאל רחמנות האבען אויף זיין חבר אונ זאל אים געבין דיא זאך . אונ ער אליין דארף אויך דיא זאך . ווערט ער פריער גיענפערט . ווייער גיט גאט אים דיא זאך . דער נאך גיט ער צו זיין חבר . האט רבה גיזאגט עס שטייט אין פסוק גאט האט צוריק גיקערט צו איוב ווייל ער האט גיבעטין פאר זיין חבר . האט מען פריער גיענפערט צו איוב דער נאך צו זיין חבר . האט רבא גיזאגט צוא רבה דו זאגסט פון יענעם פסוק . אונ איך זאג פון דעם פסוק אברהם האט גיבעטין צו גאט פאר

לפנות : פקד . מדלא כתיב ויפקוד את שרה וכתיב פקד משמע פקד כבר תחלה לאבימלך :
בהדי הוצא לקי כרבא . קוץ הגדל אצל הכרוב כשבא לעוקרו פעמים שנעקר הכרוב עמו ונמצא לוקה בשבילו כלומר שכני רשע לוקין עמו : כלכם פשעתם. אף הנביא במשמע : עד אנה מאנתם . ומשה ואהרן בכלל : אותן שהוכפלו שמותם . בברכת משה דן גד זבולן נפתלי ואשר והודיעך הכתוב שחלשים שבכולם היו וצריכין חזוק לפיכך כפל את שמם להחזיקם (שלא ישלוט בהם עין הרע) ואותם הביא יוסף לפני פרעה כדי שלא יבחור אותם להיות ראשי גייסות ולהטריחן : סלים והבכורים ניתנין לכהן : והעשירים נ״א היו נותנין (סליהם) [קלתותיהם] לכהן : נצרים .

ויֵרפא אלהים את אבימלך ואת אשתו ואמהותיו וגו׳ וכתיב (בראשית כא) וה׳ פקד את שרה כאשר אמר וגו׳ כאשר אמר אברהם על אבימלך :

ח **א״ל** רבא לרבה בר מרי מנא הא מלתא דאמרי אינשי בהדי הוצא לקי כרבא א״ל דכתיב (ירמיה ב) למה תריבו אלי כלכם פשעתם בי נאם ה׳ א״ל את אמרת מהתם ואנא אמינא מהכא (שמות טז) עד אנה מאנתם לשמור מצותי ותורותי א״ל רבא לרבה בר מרי כתיב (בראשית מז) ומקצה אחיו לקח חמשה אנשים מאן נינהו חמשה אמר ליה הכי אמר ר׳ יוחנן אותם שהוכפלו בשמות . יהודה נמי איכפולי מכפל א״ל למלתיה הוא דאכפל דא״ר שמואל בר נחמני א״ר יונתן מ״ד (דברים לג) יחי ראובן ואל ימות וגו׳ וכו׳ :

ט **א״ל** רבא לרבה בר מרי מנא הא מלתא דאמרי אינשי בתר עניא אזלא עניותא א״ל דתנן עשירים מביאים בכורים בקלתות של זהב ושל כסף עניים בסלי נצרים של

אֲבִימֶלֶךְ . הָאט גָאט גִיהֵיילְט אֲבִימֶלֶךְ אוּנ זַיין וַוייבּ אוּנ זַיינֶע דִינסְטֶען ; אוּנ עֶס שְׁטֵייט דֶער נָאךְ גָאט הָאט דֶער מָאנְט שָׂרָה אַזוֹי וִוי עֶר הָאט גִיזָאגְט . אַזוֹי וִוי אַבְרָהָם הָאט גִיזָאגְט אוּנ גִיבֶּעטִין אוֹיף אֲבִימֶלֶךְ זַיין וַוייבּ זָאל הָאבֶּען קִינְדֶער . אַזוֹי פְרִיעֶר אֵיידֶער מֶען הָאט גִיעֶנְפֶערְט צוּ אֲבִימֶלֶךְ הָאט מֶען שׁוֹין גִיעֶנְפֶערְט צוּ אַבְרָהָם אַז שָׂרָה זָאל הָאבֶּען אַקִינְד :

ח אמר . רָבָא הָאט גִיזָאגְט צוּ רַבָּה בַּר מָרִי פוּן וַואנֶען וַוייסִין מִיר דִיא זַאךְ וָואס מֶענְטְשִׁין זָאגִין מִיט דֶעם דָארִין וֶוערְט גִישְׁלָאגִין דֶער קְרוֹיט . דֶער קְרוֹיט וָואס וַואקְסְט נֶעבִּין דָארִין . אַז מֶען רַייסְט אוֹיס דֶעם דָארִין . וֶוערְט דֶער קְרוֹיט אוֹיךְ אוֹיסגֶערִיסֶען . דָאס מֵיינְט מֶען דִיא צַדִיקִים וָואס זֶענֶען צוּא זַאמֶען מִיט דִיא רְשָׁעִים . אַז דִיא רְשָׁעִים וֶוערִין גִישְׁלָאגִין . וֶוערִין דִיא צַדִיקִים אוֹיךְ גִישְׁלָאגִין . הָאט רַבָּה גִיזָאגְט וָוארוּם עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק גָאט הָאט גִיזָאגְט וָואס קְרִיגְט אִיר צוּ מִיר אַלֶע הָאט אִיר גֶעזִינְדִיגְט צוּ מִיר . הָאט מֶען דֶעם נָבִיא אוֹיךְ גִירֶעכֶנְט צְוִוישֶׁען דִיא זִינְדִיגֶער . הָאט רָבָא גִיזָאגְט צוּ רַבָּה דוּ זָאגְסְט פוּן יֶענֶעם פָּסוּק . אִיךְ וֶועל דִיר זָאגִין פוּן דֶעם פָּסוּק גָאט הָאט גִיזָאגְט בִּיז וִויא לַאנְג וֶועט אִיר נִישְׁט וֶועלִין הִיטֶען מַיינֶע גִיבָּאט אוּנ מַיינֶע לֶערנוּנְג . דָאס הָאט גָאט גִיזָאגְט צוּ דִיא יוּדִין אוּנ צוּא משֶׁה מִיט אַהֲרֹן אוֹיךְ . הָאט מֶען משֶׁה מִיט אַהֲרֹן גִירֶעכֶנְט צוּ זַאמֶען מִיט אַלֶע יוּדִין וָואס הִיטֶען נִיט דִיא גִיבָּאט פוּן גָאט . רָבָא הָאט גִיזָאגְט צוּ רַבָּה בַּר מָרִי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק בַּייא יוֹסֵף אוּנ פוּן זַיינֶע בְּרִידֶער הָאט עֶר גִינוּמֶען פִינְף מֶענְטְשִׁין וְדִיא וָואס וֶוערִין גִירוּפִין קְצֵה . דִיא עֶרְגְסְטֶע . דָאס מֵיינְט מֶען דִיא שְׁוַואכְסְטֶען אוּנ הָאט זֵייא גִישְׁטֶעלְט פאר פַּרְעֹה . וֶועלְכֶע פִינְף בְּרִידֶער זֶענֶען דָאס גִיוֶוען . הָאט רַבָּה גִיזָאגְט אַזוֹי הָאט גִיזָאגְט רַבִּי יוֹחָנָן דִיא פִינְף וָואס זֵייעֶרֶע נֶעמֶען שְׁטֵייט טָאפִּיל . דָאס אִיז דָן גָד זְבוּלֻן נַפְתָּלִי אָשֵׁר . (אִין דִיא סדרה וזאת הברכה וָוען משֶׁה הָאט זֵייא גִיבֶּענְשְׁט . הָאט עֶר גֶעזָאגְט דִיא פִינְף נֶעמֶען צְווֵייא מָאהל . ווייל זֵייא זֶענֶען גִיוֶוען שְׁוַואכֶע . דְרִיבֶּער הָאט עֶר זֵייעֶרֶע נֶעמֶען צְווֵייא מָאהל דֶער מָאנְט אִין דִיא בְּרָכָה זֵייא זָאלִין גִישְׁטַארְקְט וֶוערִין) . פְרֶעגְט דִיא גְמָרָא דֶער נָאמֶען פוּן יְהוּדָה שְׁטֵייט דָאךְ אוֹיךְ צְווֵייא מָאהל ; אוּנ יְהוּדָה אִיז דָאךְ גִיוֶוען אַשְׁטַארְקֶער . עֶנְפֶערְט דִיא גְמָרָא יְהוּדָהס נָאמֶען אִיז גִיטָאפּוּלְט גִיוָוארִין צוּא אַיין אַנְדֶער זַאךְ . אַזוֹי וִויא רַבִּי שְׁמוּאֵל בַּר נַחְמָנִי הָאט גִיזָאגְט פוּן רַבִּי יוֹנָתָן וֶוענִין (אַזוֹי וִויא עֶס שְׁטֵייט אִין דִיא גְמָרָא):

ט אמר : רָבָא הָאט גִיזָאגְט צוּ רַבָּה בַּר מָרִי פוּן וַואנֶען וַוייסִין מִיר דִיא זַאךְ וָואס מֶענְטְשִׁין זָאגִין . נָאךְ אַאָרֶעם מַאן גֵייט דִיא אָרֶעמְקֵייט . הָאט רַבָּה גִיזָאגְט מִיר הָאבֶּען גִילֶערְנְט דִיא רַייכֶע

של ערבה קלופה הסלים והבכורים ניתנים לכהנים א"ל את אמרת מהתם ואנא אמינא מהכא (פ"ב) (ויקרא יג) וטמא טמא יקרא:

י א"ל רבא לרבה בר מרי מנא הא מלתא דאמרי רבנן השכם ואכול בקיץ מפני החמה ובחורף מפני הצנה ואמרי אינשי שיתין רהיטי רהוט ולא מטו לגברא דמצפרא כריך דכתיב (ישעיה מט) לא ירעבו ולא יצמאו ולא יכם שרב ושמש א"ל את אמרת מהתם ואנא אמינא מהכא (שמות כג) ועבדתם את ה' אלהיכם זו ק"ש ותפלה וברך את לחמך ואת מימיך זו פת במלח וקיתון של מים מכאן ואילך והסירותי מחלה מקרבך ותניא מחלה זו מרה ולמה נקרא שמה מחלה שפ"ג חלאים יש בה מחל"ה בגימטריא הכי הוי וכולן פת במלח שחרית וקיתון של מים מבטלם:

יא א"ל רבא לרבה בר מרי מנא הא מלתא דאמרי אינשי חבריך קרייך חמרא אוכפא לגביך מוש א"ל דכתיב (בראשית טז) ויאמר הגר שפחת שרי וגו' ותאמר מפני שרי

סכינים: וטמא טמא. לא די לו נגעו אלא שמבזה את עצמו על כרחו הטיל עליו הכתוב חובה: שיתין רהיטי. ס' איש רצו ולא הגיעוהו לאוכל שחרית: אוכפא וכו'. כלומר קול אוכף של חמור והסירהו אליך ושים אותו על גבך כלומר קודם לדבריו ואל תענהו: מוש. לשון לא ימיש כלומר הסירהו אליך כמו קורו לה: שפחת שרי. אמר לה כמלאך והיא ענתה שרי גברתי:

מענטשין ברייננען בכורים אין גאלדענע זילבערנע כלים. אדער אין זילבערנע כלים; אונ די ארעמע לייט ברייננען בכורים אין קערב פון ריטער געפלאכטין. די ריטער זענען געוועזען ווייס אפ געשיילט די קארע. ביי די רייכע האט מען צוא גינומען די בכורים; אונ די כלים האט מען זייא צוריק גיגעבין. אונ ביי די ארעמע האט מען צו גינומען די קערב מיט די בכורים אונ מען האט גיגעבין די כהנים. האט דער ארעם מאן די קארב אויך פארלארין. האט רבא גזאגט צוא רבה דו זאגסט פון בכורים. אונ איך זאג פון דעם פסוק וטמא טמא יקרא. דער טמא דארף אוים שרייען פאר אלע מענטשין אז ער איז טמא. ניט גענוג וואס ער איז קרעציג. דארף ער נאך זיך אליין פארשעמען:

י אמר: רבא האט גיזאגט צו רבה בר מרי פון וואנען ווייסין מיר די זאך וואס די רבנן האבען גזאגט: זאלסט אויף שטיין גאנץ פריא עסין. זומער זאלסטו עסין פריא איידער די היץ קומט. ווארום אין היץ קען מען ניט עסין. אונ אז ער וועט ניט עסין וועט ער ניט האבען כח אוים צו האלטין די היץ. אונ ווינטער זאלסטו עסין פריא ווייל עס איז קאלט. אונ אז א מענטש איז נאט איז אים ניט אזוי קאלט; אונ מענטשין זאגין זעכציג לויפערס וועלין לויפין אונ וועלין ניט קענען חאפין דעם מענטשין וואס עסט אין דער פריא. האט רבה גזאגט ווארום עס שטייט אין פסוק אז זייא וועלין נישט הונגעריג זיין אונ וועלין נישט דארשטיג זיין. וועט זייא ניט שלאגין די היץ זומער. אונ די זוהן וועט זייא ניט שלאגין ווינטער. ווארום ווינטער ווען די זוהן איז. איז אגרויסער פראסט. האט רבא גזאגט צו רבה דו זאגסט פון יענעם פסוק. אונ איך זאג פון דעם פסוק: איר זאלט דינען אייער גאט. דאס מיינט מען איר זאלט זאגין קריאת שמע אונ איר זאלט דאווענען. וועט גאט בענטשין דיין ברויט אונ דיין וואסער. דאס מיינט מען די ברויט מיט זאלץ אונ דעם קריגול וואסער וואס דו וועסט עסין אין דער פריא באלד נאך דעם דאווענען. פון נאך דעם עסין אונ ווייטער והסירותי מחלה מקרבך. וועל איך אפ טאהן קראנקייט פון דיר. אונ מיר האבען גילערונט וועלכע קראנקייט וועט גאט אפ טאהן. גאל קראנקייט. פאר וואס רופט מען די גאל קראנקייט מחלה. ווארום דרייא אונ אכציג קראנקייט איז דא אין די גאל. אונ דער ווארט מחלה בטרעפט דרייא אונ אכציג. אונ אז מען עסט אשטיקול ברויט מיט זאלץ אין דער פריא אונ מען טרינקט אקריגול וואסער. דאס טרייבט אוועק די אלע קראנקייט:

יא אמר. רבא האט גזאגט צוא רבה בר מרי פון וואנען ווייסין מיר די זאך וואס מענטשין זאגין אז דיין חבר האט דיך גירופען איזיל. זאלסטו נעמען אזאטיל פון אאייזיל

עדי גברתי וגו' :

יב א"ל רבא לרבה בר מרי מנא הא מלתא דאמרי אינשי מלתא דמיגניא דאית בך קדים אמרה א"ל דכתיב (בראשית כד) ויאמר עבד אברהם אנכי. א"ל רבא לרבה בר מרי מנא הא מלתא דאמרי אינשי שפיל ואזיל בר אווזא ועינוהי מטייפין אמר ליה דכתיב (ש"א כה) והטיב ה' לאדוני וזכרת את אמתך וגו' :

יג א"ל רבא לרבה בר מרי מנא הא מלתא דאמרי אינשי שיתין תכלי כטיוה לככא דקל הבריה שמע ולא אכל א"ל דכתיב (מ"א א) ולי אני עבדך ולצדוק הכהן ולבניהו בן יהוידע ולשלמה עבדך לא קרא א"ל את אמרת מהתם ואנא אמינא מהכא (בראשית כד) ויביאה יצחק האהלה שרה אמו ויקח את רבקה ותהי לו לאשה ויאהבה וינחם יצחק אחרי אמו וכתיב בתריה (שם כה) ויוסף אברהם ויקח אשה ושמה קטורה :

פירוש

שפיל ואזיל. כלו' מחמת עניותו של אדם לא יהא בוש מלשאול דבר הצריך לו בין לתורה בין לפרנסתו לתבוע הוגן : ועינוהי מטייפין. עיניו מצפות למעלה ליתרחוק למזונותיו והכי כתובות נטוף עיניך : כאשר ייטב. באביגיל כתיב שהיתה מתנבאה שימות נבל בעלה ותהוך דברים מרמזת לדוד שיזכור את יופיה :

מכלי. אבינות ומכהובות : ולי אני עבדך. הגמא קובל היה עליו שלא זימנו למשתה : שיתין. לאו מקרא נפקא אלא מלתא בעלמא הוא דקאמרי אינשי ולאו דוקא הוא : ויוסף אברהם. נתקנא ביצחק ·

א"ר

אוּן זָאלְסְט לֵייגְן גֶעבְּן דִיר : דָאס מֵיינְט מֶען דוּא זָאלְסְט מוֹדֶה זַיין אַז עֶס אִיז אֱמֶת וִויא עֶר זָאגְט · וָוארוּם אַזוֹ דִיךְ וֶועט פַאר דְרִיסֶען וֶועט אִיר אַייךְ קְרִיגֶען · הָאט רַבָּה גְזָאגְט צוּא רָבָא עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק דֶער מַלְאָךְ הָאט גְזָאגְט צוּ הָגָר · הָגָר דִיא דִינְסְט פוּן שָׂרָה · הָאט הָגָר גְזָאגְט אִיךְ בִּין טַאקִי אַדִינְסְט אוּן אִיךְ אַנְטְלוֹיף פַאר מַיין בַּעַל הַבַּיִתְטֶע שָׂרָה :

יב אָמַר · רָבָא הָאט גְזָאגְט צוּא רַבָּה בַּר מָרִי פוּן וַואנֶען וֵוייסְן מִיר דִיא זַאךְ וָואס מֶענְטְשִׁין זָאגִין · אוֹיבּ אִין דִיר אִיז דָא אַמִיאוּסֶע זַאךְ : זָאלְסְטוּ נִיט וַוארְטִין בִּיז מֶען וֶועט דִיךְ פַאר שֶׁעמֶען מִיט דִיא זַאךְ · נָאר זָאלְסְט אַלֵיין פְרִיֶער זָאגִין דִיא מִיאוּסֶע זַאךְ הָאבּ אִיךְ גִיטָאהן · אָדֶער אַזוֹי אַמֶענְטְשׁ בִּין אִיךְ · הָאט רַבָּה גְזָאגְט צוּא רָבָא עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק אֱלִיעֶזֶר הָאט גְזָאגְט אִיךְ בִּין דֶער קְנֶעכְט פוּן אַבְרָהָם · רָבָא הָאט גְזָאגְט צוּא רַבָּה בַּר מָרִי פוּן וַואנֶען וֵוייסְן מִיר דִיא זַאךְ וָואס מֶענְטְשִׁין זָאגִין דִיא קַאטְשְׁקֶע גֵייט גַאנְץ נִידֶערִיג אוּן דִיא אוֹיגִין אִירֶע קוּקֶען וַוייט · אֲפִילוּ דֶער מֶענְטְשׁ וָואס אִיז בַּייא זִיךְ גַאנְץ נִידֶערִיג פוּן דֶעסְטְוֶועגִין דַארְף עֶר זִיךְ נִיט שֶׁעמֶען צוּא טָאהן וָואס עֶר דַארְף · צוּא פְרֶעגִין אַדִין אִין דֶער תּוֹרָה · אוּן צוּ הַאנְדְלֶען · אוּן אוֹיף צוּא מַאנֶען זַיינֶע חוֹבוֹת : הָאט רַבָּה גְזָאגְט עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק אֲבִיגַיִל הָט גְזָאגְט צוּא דָוִד וֶוען גָאט וֶועט טָאהן גוּטְס צוּא מַיין הַאר זָאלְסְטוּ גִידֵיינְקֶען דַיין דִינְסְט · זִיא הָאט גִיוואוּסְט דוּרְךְ נְבִיאוּת אַז אִיר מַאן נָבָל וֶועט שְׁטַארְבִּין · הָט זִיא גְזָאגְט צוּא דָוִד עֶר זָאל גִידֵיינְקִין אִיר שֵׁיינְקֵייט אוּן זָאל אִיר נֶעמֶען פַר אַוַוייבּ :

יג אָמַר · רָבָא הָאט גְזָאגְט צוּא רַבָּה בַּר מָרִי פוּן וַואנֶען וֵוייסֶען מִיר דִיא זַאךְ וָואס מֶענְטְשִׁין זָאגִין זֶעכְצִיג קְרַאנְקְייטִין קוּמְט צוּא דִיא צֵיין פוּן דֶעם מֶענְטְשִׁין וָואס עֶר הָט גִיהֶערְט זַיין חַבֵר עֶסְט אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גִיגֶעסִין · הָאט רַבָּה גְזָאגְט צוּא רָבָא וָוארוּם עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק נָתָן הַנָבִיא הָאט גְזָאגְט אוּן צוּ מִיר דַיין קְנֶעכְט אוּן צוּא צָדוֹק הַכֹּהֵן אוּן צוּא בְּנָיָהוּ בֶּן יְהוֹיָדָע אוּן צוּא דַיין קְנֶעכְט שְׁלֹמֹה הָאט אֲדוֹנִיָהוּ נִיט גֶערוּפִין צוּא דֶער סְעוּדָה וָואס עֶר הָאט גִימַאכְט · הָאט רָבָא גְזָאגְט צוּא רַבָּה דוּא זָאגְסְט פוּן יֶענֶעם פָּסוּק · אוּן אִיךְ זָאג פוּן דֶעם פָּסוּק : יִצְחָק הָאט גִיבְּרֵיינְגְט זַיין וַוייבּ רִבְקָה אִין דֶער שְׁטוּבּ פוּן זַיין מוּטֶער שָׂרָה · אוּן עֶר הָט גִינוּמֶען רִבְקָה אוּן זִיא אִיז גִיוָוארִין זַיין וַוייבּ · אוּן עֶר הָאט אִיר לִיבּ גִיהַאט · אוּן יִצְחָק הָט זִיךְ גִיטְרֵייסְט מִיט רִבְקָה נָאךְ זַיין מוּטֶער · בַּאלְד דֶער נָאךְ שְׁטֵייט אַבְרָהָם הָאט גִימֶערְט צוּא גֶעמֶען אַוַוייבּ אִיר נָאמֶען אִיז גִיוֶוען קְטוּרָה · וַוייל אַבְרָהָם הָאט מְקַנֵא גִיוֶוען זַיין זוּהְן יִצְחָק וָוס עֶר הָאט אַוַוייבּ : הָאט עֶר אוֹיךְ גִינוּמֶען אַוַוייבּ :

יד א"ל רבא לרבה בר מרי מנא הא מלתא דאמרי אינשי חמרא למריה וטיבותא לשקייה א"ל דכתיב (במדבר כ) וסמכת את ידך עליו וגו' למען ישמעו כל עדת בני ישראל וכתיב (דברים לד) ויהושע בן נון מלא רוח חכמה כי סמך משה את ידיו עליו וישמעו אליו בני ישראל וגו':

טו א"ל רבא לרבה בר מרי מנא הא מלתא דאמרי אינשי מטייל ואזיל דקלא בישא גבי קינא דשרכי א"ל דבר זה כתוב בתורה ושנוי בנביאים ומשולש בכתובים ותנן במתניתין ותנינא בברייתא כתוב בתורה דכתיב (בראשית כח) וילך עשו אל ישמעאל. שנוי בנביאים דכתיב (שופטים יא) ויתלקטו אל יפתח אנשים ריקים ויצאו עמו. משולש בכתובים דכתיב (בן סירא יג) כל עוף למינו ישכון ובן אדם לדומה לו. תנן במתניתין כל המחובר לטמא טמא כל המחובר לטהור טהור. ותנינא בברייתא ר"א אומר לא להנם הלך זרזיר אצל עורב אלא מפני שהוא מינו:

טז א"ל רבא לרבה בר מרי מנא הא מלתא דאמרי אינשי אי דלית דורא דלינא ואי לא לא דלינא

חמרא וכו'. היין של מלך הוא והשוהין אותו מחזיקין טובה לשר המשקה ולא למלך: ויסמוך את ידיו. תלה החכמה והגדולה במשה כאילו הוא כונס ליהושע והיא אינה אלא מפני הקב"ה: קינא דשרכי. אילנות בטלים ואין עושין פרי כמו גברא סרכא בטלן כלומר דרך דקל רע ליגדל בגו אילן סרק: המחובר לטמא טמא. במסכת כלים [הוא] בפ"ק טבעת וכו': לא להנם הלך זרזיר. ר"א סבר זרזיר עוף טמא הוא ורבנן פליגי עליה באלו טרפות: זרזיר. איבקורני"ל: אי דלית. אם תדלה והגביה המשוי עמי דלינא: דולא: משוי משל הוא שאין אדם רוצה ליכנס

יד אמר. רבא האט געזאגט צוא רבה בר מרי פון וואנען ווייסען מיר דיא זאך וואס מענטשין זאגין דיא וויין געהער צום בעל הבית. אונ אדאנק גיט מען צוא דעם בעדינער וואס דער לאנגט דיא וויין. האט רבה געזאגט אזוי שטייט אין פסוק. גאט האט געזאגט צו משה דוא זאלסט אנלעגען נארויף לייגין דיין האנט אויף יהושע. אלע יודין זאלין הערין אז דיין חכמה האט יהושע. אונ עס שטייט אין פסוק יהושע בן נון איז פול געווארין מיט חכמה ווייל משה האט ארויף געלייגט זיין האנט אויף אים. וואבען דאך אלע יודין געוואוסט אז די חכמה האט יהושע גנומען ביא משה. האבען זייא דאך גידארפט געבין כבוד צוא משה. אונ עס שטייט אין פסוקו אלע יודין האבען גיהערט צו יהושע וואס ער וועט זיי געביטען:

טו אמר. רבא האט געזאגט צוא רבה בר מרי. פון וואנען ווייסין מיר די זאך וואס מענטשין זאגין. דער שלעכטער בוים גייט צו דיא ליידיגע בוימער וואס אויף זייא וואקסט ניט קיין פירות. ודיא שלעכטע בוימער וואקסין נעבין דיא ליידיגע בוימער וואס אויף זייא וואקסט ניט קיין פירות. האט רבה געזאגט דיא זאך שטייט איין מאהל אין דיא תורה. דאס אנדערע מאהל שטייט אין נביאים. דאס דריטע מאהל שטייט אין כתובים. אונ מיר האבען דאס גילערנט אין אמשנה: אונ אין אברייתא. אין דיא תורה שטייט עשו איז גיגאנגען צוא ישמעאל. צוויא גלייכע מענטשין: אין נביאים שטייט עס האבען זיך צוא זאמען געקליבען צוא יפתח ליידיגע מענטשין אונ זענען ארויס גיגאנגען מיט אים. אזוי וויא יפתח איז גיוועזן. אזעלכע מענטשין זענין גיקומען צו אים. אונ אין כתובים שטייט בן סירא האט געזאגט יעדער פויגיל רוהט נעבין זיין גלייכין (נעבין אזוי אפויגיל וויא ער איז). אונ דער מענטש גייט אויך צוא זיין גלייכין: צוא אזוי אמענטש וויא ער איז. אצדיק גייט צוא אצדיק. ארשע גייט צוא ארשע: אין אמשנה האבען מיר גילערנט וואס עס איז בהעפט צוא טומאה איז טמא. אונ וואס עס איז בהעפט צוא טהור איז טהור. אין אברייתא האבען מיר גילערנט רבי אליעזר זאגט ניט אומזיסט איז גיגאנגען דער זרזיר צום עורב. נאר ווייל זייא זענען ביידע איין מין:

טז אמר. רבא האט געזאגט צוא רבה בר מרי פון וואנען ווייסען מיר דיא זאך וואס מענטשין זאגין אויב דוא וועסט אויף הייבין דיא משא וועל איך אויך אויף הייבען. אונ אז דוא ווילסט ניט אויף הייבען. וויל איך אויך ניט אויף הייבען. למשל איינער זאגט צום אנדערין וועסטו זיין אשותף מיט מיר אין דעם געשעפט. וועל איך מאכען דאס געשעפט. אונ אז דוא וועסט ניט

דלינא א"ל דכתיב (שופטים ד) ויאמר אליה ברק אם תלכי עמי והלכתי ואם לא תלכי עמי לא אלך א"ל רבא לרבה בר מרי מנא הא מילתא דאמרי אינשי כלבא בכפניה גללי מבלע דכתיב (משלי כז) . נפש שבעה תבוס נופת ונפש רעבה כל מר מתוק . א"ל רבא לרבה ב"מ מנא הא מלתא דאמרי אינשי קרית לחברך ולא ענך רמי גודא רבה שדי ביה א"ל דכתיב (יחזקאל כד) יען טהרתיך ולא טהרת מטמאתך לא תטהרי עוד . א"ל רבא לרבה בר מרי מנא הא מלתא דאמרי אינשי בירא דשתית מיניה לא תשדי ביה קלא א"ל דכתיב (דברים כג) לא תתעב אדומי כי אחיך הוא לא התעב מצרי כי גר היית בארצו :

בסכנת היזק ממון ותהא עול דבר אא"כ מסתפק חברו עמו : גללי: אבנים לשון מורי ל"א גללים ממש ורלשון ישר דגללים ממש אורחיה הוא : קרית חברך . להוכיחו ולא ענך : רמי גודא , כותל הפל עליו כלומר הכיתהו ויפול ברשעהו דההו בידים : דשתית מיניה . ששתית ממנו כבר בגמא : לא תשדי ביה קלא . מורי"א בלע"ז כלומר דבר הנלך לך פעם אחת טוב לא תבזהו :

כד הוינן זוטרי לגברי . כשהיינו קטנים היינו חשובים כגברי כשתא דקשישנא עכשיו שהזקנו הננו שפלים כתינוקות :

אחד

יז א"ל רבא לרבה בר מרי מנא הא מילתא דאמרי אינשי כד הוינן זוטרי לגברי השתא דקשישנא לדרדקי . אמר ליה מעיקרא כתיב (שמות יג) וה' הולך לפניהם יומם

זיין אשתהף . וועל איך אויך ניט מאכען דאס געשעפט . האט רבה גזאגט עס שטייט אין פסוק . ברק האט גזאגט צוא דבורה אויב דוא וועסט גיין מיט מיר אין דער מלחמה . יועל איך אויך גיין . אויב דוא וועסט ניט גיין מיט מיר . וועל איך אויך ניט גיין . רבא הט גזאגט צוא רבה בר מרי פון וואנען ווייסען מיר דיא זאך וואס מענטשין זאגין אהונט ווען ער איז הונגעריג שלינגט ער שטיינער . דאס מיינט מען ער זוכט אוים הארטע זאכען . אזוי וויא שטיינער . צום עסין . עס זאל לאנג ליגען אין בויך ביז עס וועט פאר דייעט ווערין . וועט ער ניט אזוי געשווינט צוריק הונגעריג ווערין . האט רבה גזאגט עס שטייט אין פסוק דער וואס איז זאט פאר מיאוסת ער אפילו זיסע זאכען . אונ דער וואס איז הונגעריג זענען ביי אים אלע ביטערע אונ שלעכטע זאכען אויך זים . רבא האט גזאגט צוא רבה בר מרי פון וואנען ווייסען מיר דיא זאך וואס מענטשין זאגין אז דוא האסט גירופען דיין חבר אונ ער האט דיר ניט גיענפערט ודאס מיינט מען אז דוא האסט גזאגט מוסר צוא דיין חבר ער זאל אוועק גיין פון זיין שלעכטין וועג . אונ ער פאלגט דיך ניט . מעגסטו נעמען אגרויסע וואנט אונווארפען אויף אים . דאס מיינט מען דוא מעגסט אים אוועק שטויסען פון דיר אונ ער זאל אריין פאלען אין זיין שלעכטין פירונג . האט רבה גזאגט עס שטייט אין פסוק גאט האט גזאגט ווייל איך האב דיך גירייניגט אונ דוא האסט ניט גיוואלט ריין ווערין פון דיין טומאה . וועסטו שוין ניט ריין ווערין . רבא האט גזאגט צוא רבה בר מרי פון וואנען ווייסען מיר דיא זאך וואס מענטשין זאגין . דער ברונע , וואס דוא האסט גיטרונקען פון אים . זאלסטו ניט אריין ווארפען אין אים בלאטע . האט רבה גזאגט עס שטייט אין פסוק זאלסט ניט פאר מיאוסן אדום . ווארום ער איז דיין ברודער ואדום איז עשו זאלסט ניט פאר מיאוסין אמצרי . ווארום דוא האסט אמאהל גיוואוהנט אין זיין לאנד :

יז אמר : רבא האט גזאגט צוא רבה בר מרי פון וואנען ווייסען מיר דיא זאך וואס מענטשין זאגין . אז מיר זענען גיוועזען יונג . זענען מיר גיוועזען גירעכענט פאר מענטשין . איצט אז מיר זענען אלט גיווארין . האלט מען אונז וויא קינדער . האט רבה גזאגט פריער ווען די יודין זענען ארוים גיגאנגען פון מצרים . שטייט אין פסוק גאט איז גיגאנגען פאר זייא בייא טאג מיט אוואלקענדיגען זייל . צו פירען זיא אין וועג . אונ ביי נאכט מיט אפייערדיגען זייל צו בעלייכטין זייא . דער נאך שטייט אין פסוק גאט האט גזאגט צוא משה איך וועל שיקען אמלאך פאר דיר ער זאל דיך היטען אין וועג :

יח אמר . רבא האט גזאגט צו רבה ב"מ פון וואנען ווייסען מיר דיא זאך וואס מענטשין זאגין . נאך דעם רייכין מענטשין ציהט זיך פעטס . אז מען בהעפט זיך צוא אריכען מענטשין

יימם בעמוד ענן לנחותם הדרך ולילה בעמוד אש להאיר להם ולבסוף כתיב (דף לג) (שם כג) הנה אנכי שולח מלאך לפניך לשמרך בדרך:

אחד הצועק ואחד הנצעק. והרס אפי והרגתי אתכם בנים במשמע: אלא שממהרין לצועק. תחלה כדאשכחן בשרה:

יח א"ל רבא לרבה בר מרי מנא הא מלתא דאמרי אינשי בתר מרי נכסי ציבי משוך. אמר לו דכתיב (בראשית יג) וגם ללוט ההולך את אברם היה צאן ובקר ואהלים. אמר רב חנין כל המוסר דין על חבירו הוא נענש תחלה שנאמר (שם טז) ותאמר שרי אל אברם חמסי עליך וגו' וכתיב (שם כג) ויבא אברהם לספוד לשרה ולבכותה והני מילי דאית ליה דינא בארעא א"ר יצחק אוי לו לצועק יותר מלנצעק. תנ"ה אחד הצועק ואחד הנצעק במשמע אלא שממהרים לצועק יותר מן הנצעק:

יט וא"ר יצחק לעולם אל תהי קללת הדיוט קלה בעיניך שהרי אבימלך קלל את שרה ונתקיים בזרעה שנאמר (שם כ) הנה הוא לך כסות עינים אמר לה הואיל וכסית ממני ולא גלית שהוא אישך וגרמת לי הצער הזה יהי רצון שיהיו לך בנים כהויי עינים ונתקיים בזרעה דכתיב (שם כז) ויהי כי זקן יצחק ותכהין עיניו מראות. א"ר אבהו לעולם יהא אדם מן הנרדפים ולא מן הרודפים שאין לך נרדף בעופות יותר מתורים ובני יונה הכשירן

קען מען פון אים אויך רייך ווערין. האט רבה געזאגט עס שטייט אין פסוק. לוט וויל ער איז געגאנגען מיט אברם. האט ער אויך געהאט שעפסין אונ רינדער אונ געצעלטין. רב חנין זאגט אז איינער זאגט צו זיין חבר גאט זאל דיך שטראפין פון מיינעט וועגין. ווערט ער פריער געשטראפט ווערין. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק שרי האט געזאגט צוא אברם מיין רויב זאל זיין אויף דיר. גאט זאל דיך שטראפין פון מיינעט וועגין. איז שרי פריער געשטראפט געווארין. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אברהם איז געקומען בקלאגין שרה אונ בעוויינען איר. דאס איז נאר אז עס איז דא דיינים אויף דער וועלט. האבען דאך דיא דיינים געקענט משפטין דעם דין: דארף ער ניט געבין דעם משפט צוא גאט. אבער אז אים קען ניט העלפין דער דיין: מעג ער געבין דעם משפט צוא גאט. אונ אין דער צייט פון שרה מיט אברהם זענען געוועזען דיינים. דער בית דין פון שם בן נח. רבי יצחק זאגט דעם שרייער איז ערגער וויא דער וואס מען שרייט אויף אים. דער וואס שרייט צוא גאט ער זאל שטראפין זיין חבר. ווערט ער נאך מער געשטראפט ווערין וויא זיין חבר. מיר האבען אויך אזוי גילערנט עס שטייט אין פסוק גאט האט געזאגט איך וועל אין כעס ווערין אונ וועל איך בירדע הרגנן. דעם שרייער. אונ דעם וואס מען שרייט אויף אים. נאר דעם שרייער שטראפט מען נאך פריער ויא מען שטראפט דעם וואס מען שרייט אויף אים:

יט ואמר. נאך האט רבי יצחק געזאגט דיא קללה פון צפראסטין מענטש זאל ניט זיין גרינג ביי דיר. ווארום אבימלך האט געפלוכט שרהן. איז דיא קללה מקוים געווארין ביי איר קינד. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אבימלך האט געזאגט צוא שרה דאס זאל דיר פאר דעקין דיינע אויגען. אזוי האט אבימלך געזאגט צו שרה. ווייל דוא האסט צו גידעקט פון מיר אונ האסט מיר נישט געזאגט אז אברהם איז דיין מאן אונ דו האסט מיר געבראכט אזוי פיל צער. זאל זיין דער ווילען פון גאט דוא זאלסט האבען קינדער מיט טונקעלע אויגען. אונ דיא קללה איז מקוים געווארין ביי איר קינד. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אז יצחק איז אלט געווארין זענען טונקעל געווארין זיינע אויגען פון צוא זעהן. רבי אבהו זאגט אייביג זאל אמענטש זיין פון דיא נאך געיאגטע. אונ ער זאל ניט זיין פון דיא נאך יאגער. אז מען יאגט נאך אמענטשין אים צוא טאהן שלעכץ. זאל ער נאר בעטין צוא גאט ער זאל אים העלפין. אונ זאל ניט צוריק יאגען שלעכטס צוא טאהן. אפילו ער קען צוריק שלעכטס טאהן. זאל ער אויך ניט טאהן. ווארום פון אלע עופות ווערט קיינע ניט אזוי פיל נאך געיאגט וויא אלטע טויבין אונ יונגע טויבין. אלע עופות וויילען נאר הפען דיא טויב אונ זיא הרגנן. אונ דיא טויב וויל קיינעם ניט נאך יאגין: אונ דיא

בוצע ברך. גזל ומברך (מלא כ״) [בולע] כמו כל בולע בלע:
אין רוח חכמים נוחה הימנו. אין רוח חכמה ותבונה נקרבו:
דוד ושלמה כתוב מצד אחד ומצד שני כתיב ירושלים עיר הקדש: זקן וזקנה. אברהם ושרה: כתוב

והכשירן הכתוב לגבי המזבח:

הגוזל עצים פרק תשיעי

(דף צד) א תניא ר״א בן יעקב אומר הרי שגזל סאה של חטין טחנה לשה ואפאה והפריש ממנה חלה כיצד מברך אין זה מברך אלא מנאץ ועל זה נאמר (תהלים י) ובוצע ברך נאץ ה׳:

ב ת״ר הגזלנין ומלוי ברבית שהחזירו אין מקבלין מהם והמקבל מהם אין רוח חכמים נוחה הימנו. אמר רבי יוחנן בימי רבי נשנית משנה זו דתניא מעשה באדם אחד שבקש לעשות תשובה אמרה לו אשתו ריקה אם אתה עושה תשובה אפילו אבנט אינו שלך ונמנע ולא עשה תשובה באותה שעה אמרו הגזלנין ומלוי ברבית שהחזירו אין מקבלים מהם והמקבל מהם אין רוח חכמים נוחה הימנו:

(דף צז ע״ב) ג ת״ר איזהו מטבע של ירושלים דוד ושלמה מצד אחד וירושלים עיר הקדש מצד אחד ואיזהו מטבע של אברהם אבינו זקן וזקנה מצד אחד

תורה האט פסול געמאכט צוא אקרבן אויף דעם מזבח אלע עופות. נאר טויבען זענען כשר צום מזבח:

פרק תשיעי

א תניא. מיר האבען געלערנט רבי אליעזר בן יעקב זאגט אז איינער הט גיגזלת אסאה ווייץ. אונ ער האט דיא ווייץ גימאהלין אונ גימאכט מעהל. אונ ער האט דיא מעהל גיקנעטין אונ גימאכט ברויט. אונ האט דיא ברויט גיבאקט. אונ האט אפ גישידט פון דיא ברויט חלה אונ גיגעבין צום כהן. וויא אזוי מאכט ער אברכה. דאס הייסט ניט ער האט גילויבט גאט: נאר ער האט גילעסטערט גאט. אויף דעם זאגט דער פסוק אז דער גזלן מאכט אברכה. לעסטערט ער גאט:

ב תנו רבנן. דיא רבנן האבען גילערנט אגזלן אדער דער וואס האט פאר בארגט געלט אונ האט גינומען פראצענט. אז זייא ווילען צוריק געבין. דער גזלן וויל צוריק געבין וואס ער האט גיגזלת. אונ דער מלוה וויל צוריק געבין דיא פראצענט. זאל מען ניט צו נעמען פון זייא. אונ דער וואס נעמט יא צוריק פון זייא. האבען אים דיא חכמים ניט ליב: ווייל ער איז ניט פרום. רבי יוחנן זאגט אין דיא צייט פון רבי איז גילערנט גיווארין דיא משנה. ווארום מיר האבען גילערנט עס האט אמאהל גיטראפין אגזלן האט גיוואלט טאהן תשובה אונ צוריק געבין אלץ וואס ער האט גיגזלת. האט זיין ווייב צו אים גיזאגט דוא נאר אז דו וועסט טאהן תשובה אונ אלץ אוועק געבין. אפילו דער גארטיל איז דאך אויך ניט דיינער. וואס וועט דיר בלייבין פון וואגען וועסטו ווייטער לעבין. האט ער חרטה גיהאט אונ האט ניט תשובה גיטאהן אונ איז גיווען ווייטער אגזלן. אין דער צייט האבען דיא חכמים גיזאגט אז אגזלן אדער דער וואס הט פאר בארגט געלט אונ האט גינומען פראצענט. אז זייא ווילען צוריק געבין דיא גזלות אונ דיא פראצענט. ווייל זייא ווילען תשובה טאהן. זאל מען פון זייא ניט צו נעמען. נאר מען זאל זייא אוועק שיקען. אונ זייא זאלין תשובה טאהן זייא זאלין ניט מער גזלנן אונ ניט נעמען פראצענט. אונ דער וואס נעמט יא צו פון זייא האבען אים דיא חכמים ניט ליב. ווייל ער איז ניט קלוג אונ איז ניט פרום. טאמער וועלין זייא אויך חרטה האבען אונ וועלין ניט תשובה טאהן:

ג תנו רבנן. ד׳א רבנן האבען גילערנט וועלכע מטבע איז פון ירושלים. פון איין זייט איז גימאכט דוד אונ שלמה. פון אנדערין זייט איז גימאלט דיא שטאט ירושלים. וועלכע מטבע

אחד ובחור ובתולה מצד אחד :

(דף ק״י ע״ב) ד ת״ש כ״ד מתנות כהונה ניתנו לאה״ן ולבניו וכולן נתנו בכלל ובפרט וכלל וברית מלח כל המקיימן כאילו כקיים כלל ופרט וכלל וברית מלח וכל העובר עליהן כאילו עובר על כלל ופרט וכלל וברית מלח ואלו הן י׳ במקדש וד׳ בירושלים וי׳ בגבולין י׳ במקדש חטאת בהמה וחטאת העוף ואשם ודאי ואשם תלוי וזבחי שלמי צבור ולוג שמן של מצורע ומותר העומר ושתי הלחם ולחם הפנים ושירי מנחות וד׳ בירושלים הבכורה והביכורים והמורם מן התודה ואיל נזיר ועורות קדשים וי׳ בגבולין תרומה ותרומת מעשר וחלה וראשית הגז והמתנות ופדיין

וכתולה .. יצחק ורבקה :
בכלל ופרט וכ״ל . לכל קדשי בני ישראל לך נתתים למשחה כלל וזה יהיה לך מקדש הקדשים מן האש פרט כל מתנה בפני עצמו כל תרומת הקדשים הדר וכלל והדר כתיב ברית מלח עולם היא וגו׳ [בסוף הפרשה] : כל המקיימן כאילו מקיים . כל התורה כולה שניתנה לדרוש בכלל ופרט וכלל וכאילו קיים כל הקרבנות שנכתבו ב. ברית מלח : עשר במקדש . נאכלים לפנים מן הקלעים : ד׳ בירושלים , בכל העיר : וי׳ בגבולין . בערי א״י : אשם ודאי . ה׳ הן גזילות מעילות שפחה חרופה נזיר ומצורע וחד חשיב להו : אשם תלוי . בא על ספק כרת שלא מדע לו עבר ודאי שיביא חטאת : זבחי שלמי צבור . כבשי עצרת שנקראו שלמים כדכתיב ושני כבשים בני שנה וקדשי קדשים הן כדכתיב קדש יהיו לה׳ לכהן ונאכלים לפנים מן הקלעים : ולוג שמן של מצורע . מה שנשאר בלוג מ יציקה לכף הכהן של השמאלית נאכל לכהנים דהויא במנחות וכזבחים לכל קרבנם לרבות לוג שמן של מצורע דהכוא נמי קרוי קרבן דכתיב והקריב אותו לאשם ואת לוג השמן וסמיך ליה לקרא ק:א בקדשי הקדשים האכלנו בויקרא קרח : מותר העומר. מנחת העומר נקמצת ושיריה נאכלים וכל המנחות קדשי הקדשים הם כדכתיב לא תאכל עליו המץ וגו׳ : ושירי מנחות . כל מנחות נקמצות מנחת נדבה ומנחת חוטא ומנחת כוטה : הבכורה . בכור הם נאכל בכל העיר וכן הבכורים שריכים הומה כדכתיב ואכלת לפני ה׳ אלהיך וגו׳ ואמר מר ותרומת ידך אלו בכורים : והמורם מתודה . חזה ושוק וד׳ חלות מד׳ מינים שבה חלות ורקיקין חמץ ורבוכה וכתיב והקריב ממנו אחד מכל קרבן תרומה לכהן הזורק וגו׳ : מורם מאיל נזיר . זרוע בשלה וחלה ורקיק וחזה ושוק של שלמים בכלל תודה הוא דהודה שלמים איקרי והנך הרהי תודה ואיל נזיר משום דדמיין להדדי חשיב להו כחדא כדקאמר בשחיטת חולין בפרק הזרוע : ועורות קדשים . עורות עולה וחטאות ואשמות אבל קדשים קלים עורותיהן לבעלים כדאמרי׳ בזבחים פרק טבול יום-ונ״כ חשיב להו בהדי הנך דירושלים למעוטי דאין נהנ׳בין בהדי הנך דגבולין דהיינו עורות לא מחשיב להו אלא בירושלים ובהדי הנך

איז פון אברהם אבינו . פון איין זייט איז גימארט אאלטער מאן מיט אאלטע ווייב דאס איז אברהם און שרה . פון אנדערן זייט איז גימאלט אבחור מיט אמ ידיל דאס איז יצחק מיט רבקה :

ד תא שמע . מיר האבען גילערונט פיר און צוואנציג מתנות זענען גיגעבין גיווארין צו אהרן מיט זיינע קינדער און אלע זענען גיגעבין גיווארין מיט אכלל און אפרט און אכלל און ברית מלח . דער וואס גיט דיא פיר און צוואנציג מתנות . איז גלייך וויא ער וואלט מקיים גיווען דיא גאנצע תורה וואס זיא איז גיגעבין גיווארין מיט כלל און פרט און כלל . און וויא ער וואלט מקריב גיוועו אלע קרבנות וואס ביא זייא שטייט ברית מלח . און דער וואס גיט ניט דיא פיר און צוואנציג מתנות . איז גלייך וויא ער וואלט ניט מקיים גיוועון דיא גאנצע תורה וואס זיא איז גיגעבין גיווארין מיט כלל און פרט און כלל און וויא ער וואלט ניט מקריב גיוועו קרבנות וואס ביא זייא שטייט ברית מלח : דאס זענען דיא פיר און צוואנציג מתנות צעהן וואס ווערין גיגעסין אין בית המקדש . און פיר וואס ווערין גיגעסין אין ירושלים . און צעהן וואס ווערין גיגעסין אין גאנץ ארץ ישראל . צעהן ווערין גיגעסין אין מקדש . אחטאת פון בהמות . און אחטאת פון עופות . און אאשם וואס ווערט גיבראכט אויף אגעוויסע עבירה . און אאשם וואס ווערט געבראכט אויף אספק עבירה . און דיא שלמים וואס אלע יודין ברענגען . דאס איז דיא צווייא שעפסין פון שבועות : און דער קווארט אייל וואס דער מצורע ברייננט . און וואס עס בלייבט פון עומר : און דיא צווייא ברויט פון שבועות . און דער לחם הפנים . און וואס עס בלייבט פון אלע מנחות . פיר ווערין גיגעסין אין ירושלים . אבכור . און בכורים . און וואס עס ווערט אפ גישיידט פון אתודה (דיא ברוסט און דיא פאלקע און דיא פיר חלות) . און וואס עס ווערט אפ גישיידט פון דעם איל וואס דער נזיר ברייננט (אפאדערשטע פוס און אחלה און אאק בר) און דיא פעל פון קרבנות (פון עולה חטאת אשם) . און צעהן אין גאנץ ארץ ישראל : תרומה . און תרומת מעשר . חלה . און דיא ערשטע וואל וואס מען שערט פון דיא שעפסין . און אז מען שעכט אבהמה גיט מען צום כהן דיא פאדערשטע פוס און דיא באקין און דעם מאגין . און פינף טאלער אז מען לייזט אויס אזוהן אבכור . און אז מען לייזט אויס אבכור פון אאייזיל . און אז איינער האט

ופדיון הבן ופדיון פטר חמור ושדה אחוזה ושדה חרמים וגזל הגר :

הגוזל ומאכיל פרק עשירי

(דף קי"ג ע"ב) **א אמר** רב ביבי בר גידל אמר ר"ש חסידא גזל עכו"ם אסור דאמר רב הונא מנין לגזל עובד כוכבים שהוא אסור שנאמר (דברים ז) ואכלת את כל העמים אשר ה' אלהיך נותן לך בזמן שהם מסורים בידך ולא בזמן שאינם מסורים בידך :

כ"ד דבמקדש לא חשיב אלא כהו דלאי נפקי חוץ לקלעים מפסלי ביוצא : ושדה אחוזה . שהקדישה בעלים ולא גאלה ומכרה גזבר בשהלוקח מחזיר ביובל מתחלקת לכהנים : ושדה חרמים . ישראל שהחרימו שדיהן : וגזל הגר . נמי קרי ליה מתנות גבולים שאם נתנו לכהן המשמר חוץ לירושלים יצא ואיל אמו יעלה לירושלים להקריב :

(גפי אחויי . ר"ל שלא גזלה לעצמו אלא להראות לנכרים על תיבנא של חבירו שיגזלו) : לקועיה . לצוארים שבר מפרקתו : תוא . תיש הוא והוא שור הבר כדמתרגמינן ותוא תורבלא תור שור בלא יער : אין מרחמין

(דף קי"ז) **ב ההוא** גברא דהוה בעי אחויי אתיבנא דחבריה אתא לקמיה דרב א"ל לא תהוי ולא תחוי א"ל מחוינא ומחוינא יתיב רב כהנא קמיה דרב שמטיה לקועיה מיניה קרי רב עילויה (ישעיה נא) בניך עלפו שכבו בראש כל חוצות כתוא מכמר מה תוא זה כיון שנפל במכמר אין מרחמין עליו אף ממונם של ישראל כיון שנפל ביד עכו"ם אין מרחמין עליו א"ל רב כהנא עד האידנא הוו פרסאי דלא קפדי אשפיכות דמים והשתא איכא יוונאי דקפדי אשפיכות דמים ואמרי מרדין מרדין קום סק לארעא דישראל וקביל עלך שלא תיקשי לרבי יוחנן שבע שנין אזל אשכחיה לריש לקיש דיתיב

געהיילגט צו גאט אפעלד וואס ער האט גערירשת . אונ ער האט איר ניט צוריק אויס געלייזט . אונ דער גבאי פון בית המקדש האט איר פאר קויפט . אז עס קומט יובל אונ דיא פעלד קומט צוריק צום גבאי . צוא טיילט מען דיא פעלד צו דיא כהנים . אונ אז איינער האט גזאגט דיא פעלד זאל זיין חרם . גיט מען דיא פעלד צו דיא כהנים ; אונ אז איינער האט גיגזלת געלט ביא אגר . אונ דער גר איז גישטארבין אן קינדער . דארף דער גזלן געבין דאס געלט צו דיא כהנים ;

פרק עשירי

א אמר . רב ביבי בר גידל האט גזאגט פון רבי שמעון חסידאס וועגין מען טאר ניט גזלנן ביא אגוי . ווארום רב הונא האט גזאגט פון וואנען ווייסין מיר אז מען טאר ניט גזלנן ביא אגוי . ווארום עס שטייט אין פסוק דו זאלסט עסין דיא אלע פעלקער וואס גאט גיט דיר . ווען דיא גוים זענען גיגעבין אין דיין האנט . מעגסטו זייער פאר מעגין אויך נעמען אבער ווען דיא גוים זענען ניט גיגעבין אין דיין האנט . טארסטו ניט נעמען זייער פארמעגין :

ב ההוא . איוד האט אמאהל גיוואלט ווייזין צו אגוי ווא זיין חברס שטרוי ליגט . דער גוי זאל אוועק נעמען דיא שטרוי ביא דעם חבר . איז דער יוד גיקומען פאר רב . האט רב צוא אים גזאגט זאלסט ניט ווייזין זאלסט ניט ווייזין . האט דער יוד גזאגט איך וועל ווייזין איך וועל ווייזין . איז רב כהנא גיזעסין פאר רב . האט רב כהנא צו בראכין דיא האלדז פון דעם יודין . אונ דער יוד איז גישטארבין . האט רב גילייענט דעם פסוק אויף דעם יוד . דיינע קינדער זענען פאר חלשת גיווארין זייא זענען געבליבען ליגען אין אלע גאסין אזוי וויא אתוא (אווילדער אקס) אין דיא נעץ . אזוי וויא דער תוא אז ער פאלט אריין אין דיא נעץ האט מען ניט רחמנות אויף אים : אזוי יודישע געלט אז עס פאלט אריין אין דיא הענט פון אגוי . האט דער גוי ניט רחמנות אויף דעם יודין אונ ניט אויף זיין געלט . דריבער האסטו גוט גיטאהן וואס דו האסט דעם יוד גיהרגת . האט רב כהנא גזאגט צו רב ביז איצט זענען גיוועזן דיא פרסיים אין דער מדינה זייא האט ניט גיהארט אז מען האט גיהרגת אמענטשין . איצט זענען דיא יונים אין דער מדינה וואס זייא שטראפין דעם וואס הרגת אמענטשין . האט רב גזאגט צוא רב כהנא אנטלויף אין ארץ ישראל . נאר זאלסט נעמען

דיתיב וקא מכיים מתיבתא דיומא לרבנן אמר להו ר"ל היכא אמרו ליה אמאי אמר להו האי קושיא והאי קושיא האי פירוקא והאי פירוקא אמרי ליה לריש לקיש אזל ריש לקיש א"ל לרבי יוחנן ארי עלה מבבל ליעיין מר במתיבתא דלמחר למחר אותבוה בדרא קמא קמיה דרבי יוחנן אמר שמעתתא ולא אקשי שמעתתא לא אקשי אנחתיה אחורי שבע דרי עד דאותביה בדרא בתרא. א"ל רבי יוחנן לר"ש בן לקיש ארי שאמרת נעשה שועל אמר רב כהנא יהא רעוא דהני שבע דרי ליהוו חילוף שבע שנין דאמר לי רב קם אכרעיה א"ל נהדר מר ברישא אמר שמעתתא ואקשיה אמר שמעתתא ואקשיה עד דאוקמיה בדרא קמא. ר' יוחנן הוה יתיב אשבע בסתרקי שלפי ליה חדא ביסתרקא מתותיה אמר שמעתתא ואקשי ליה עד דשלפי ליה כולי ביסתרקי מתותיה עד דיתיב ארעא. רבי יוחנן גברא סבא הוה ומסרחי גביניה אמר להו דלו לי עיני ואחזיה דלו ליה במכחלתא דכספא חזא דפריטא שפוותיה

מרחמין עליו. ושפיר עבדת דקט היה: מטיים מתיבתא דיומא לרבנן. היה מחזיר ושונה להם מה בדרש רבי יוחנן אותו היום לפי שר"ל הכם גדול היה ולאחר שסמעו כולם [מפי הרב] היה חוזר ומכוון בידם: בדרא קמא. שבע שורות תלמידים יושבים לפניו זו לפנים מזו: ביסתרקא. תפי"ד בלע"ז: מסרחי גביניה. גבות עיניו גדולים ומכסים עיניו: פריטא שפוותיה. נקרעה שפתו ע"י מכה: הדרא ליה

אויף דיר זיי זאלסט זיבען יאהר ניט פרעגין קיין קשיא צוא רבי יוחנן: איז רב כהנא געקומען אין ארץ ישראל אונ האט געטראפין ריש לקיש זיצט אונ חזרת מיט די תלמידים די גמרא וואס רבי יוחנן האט היינט געלערנט: האט רב כהנא געזאגט צו די תלמידים ווא איז ריש לקיש. האבין די תלמידים געזאגט צוא רב כהנא ציא וואס דארפסטו ריש לקיש. האט רב כהנא צו זייא געזאגט איך האב צוא פרעגין אזוי אקשיא אזוי אקשיא אונ האב צוא ענטפערין אזוי אתירוץ אזוי אתירוץ. האבען די תלמידים געזאגט צוא ריש לקיש. אזוי האט דער פרעמדער מענטש געזאגט. איז געגאנגען ריש לקיש אונ האט געזאגט צוא רבי יוחנן אלייב איז אויף געגאנגען פון בבל. גיב אכטונג אונ קלער איבער די גמרא וואס דוא וועסט מארגין לערנען. מארגין האט מען געזעצט רב כהנא אין די ערשטע שורה תלמידים וואס זיצען פאר רבי יוחנן. האט רבי יוחנן געזאגט איין דין אונ רב כהנא האט גאר ניט געפרעגט. דער נאך האט רבי יוחנן געזאגט נאך אדין. אונ רב כהנא האט גאר ניט געפרעגט. האט מען געזעצט רב כהנא אינטער די זיבעטע שורה. ביז מען האט איהם געזעצט אין די לעצטע שורה: האט רבי יוחנן געזאגט צוא רבי שמעון בן לקיש דער לייב וואס דוא האסט געזאגט איז געווארין אפוקס. האט רב כהנא געזאגט עס זאל זיין דער ווילען אז די זיבען שורות וואס מען האט מיך אראפ גענידערט. זאל זיין גערעכנט פאר די זיבען יאהר וואס רב האט מיר געהייסען וואדטען. האט רב כהנא זיך געשטעלט אויף די פים. אונ האט געזאגט צוא רבי יוחנן הייב אן פון אנהייב. האט רבי יוחנן געזאגט אדין אונ רב כהנא האט אים געפרעגט אקשיא. אונ רבי יוחנן האט געזאגט נאך אדין. אונ רב כהנא האט אים געפרעגט אקשיא. ביז מען האט אים צוריק געשטעלט אין די ערשטע שורה. רבי יוחנן איז געזעסין אויף זיבען קישונס. האט ער געהייסען מען זאל ארויס נעמען איין קישון פון אונטער אים. האט רבי יוחנן געזאגט נאך אדין. האט רב כהנא אים געפרעגט אקשיא. האט מען ארויס גענומען נאך אקישון פון אונטער רבי יוחנן. אונ אזוי פיל קשיאס האט רב כהנא געפרעגט ביז מען האט ארויס גענומען אלע קישונס פון אונטער רבי יוחנן. אונ רבי יוחנן איז געבליבען זיצען אויף די ערד. רבי יוחנן איז געווען אאלטער מאן. אונ ער האט געהאט גרויסע ברעמען. האט רבי יוחנן געזאגט צוא די תלמידים הייבט אויף מיינע ברעמען. פון מיינע אויגען אונ איך וויל זעהן דעם מענטש וואס האט מיך געפרעגט די קשיאס. האט מען אויף געהויבען די ברעמען זיינע מיט אזילבערנע הער. רב כהנא האט געהאט צוא שפאלטענע ליפפען. האט אויס געזעהן וויא ער לאכט. וויא רבי יוחנן האט אזוי געטאהן אויף רב כהנא. האט רבי יוחנן געמיינט אז רב כהנא לאכט פון אים. איז רבי יוחנן ביי זיך זייער דער נידערט

שפוותיה סבר אחוכי קמחייך ביה חלשא דעתיה ונח נפשיה למחר אמר להו רבי יוחנן לרבנן חזיתו לבבלאה היכי עביד אמרו ליה דרכיה הכי על לגבי מערתא חזא דהוה (ע"כ) הדרא ליה עכנא א"ל עכנא עכנא פתח פומיך ויכנס הרב אצל תלמיד ולא פתח יכנס חבר אצל חבר ולא פתח יכנס תלמיד אצל הרב פתח ליה בעא רחמי ואוקמיה א"ל אי הוה ידענא דדרכיה דמר הכי לא חלשא דעתאי השתא ליתי מר בהדן א"ל אי מצית למיבעי רחמי דתו לא שכיבנא אזלינא ואי לא לא אזלינא הואיל וחליף שעתא חליף תיריה אוקמיה שייליה כל ספיקא דהוה ליה ופשט'נהו ניהליה והיינו דא"ר יוחנן דילכון אמרי דילהון היא :

ג רב חסדא הוה ליה ההוא אריסא דהוה תקיל ויהיב תקיל ושקיל סלקיה קרא אנפשיה (משלי יג) צפון לצדיק

פכנא . נחש גדול עשה עצמו כגלגל ומקיף את פי המערה ונותן זנבו לתוך פיו ואין אדם יכול ליכנס : פתח פיך . הרחיבי פתחך להסיר זנבך מפיך ועשה פתח ליכנס : אי מצית למבעי רחמי דתו לא שכיבנא . אי אקשינא לך אזלינא בהדך ואעמוד אצלך בב"ה : ואי לא הואיל וחליף שעתא . ואיהרהרים ניכתא תליף ולא אלך עוד עמך שמא הכעוס עלי ואמות עוד פעם אחרת אלא אלך לביתי אי ולא אעמוד עוד אצלך פן אמות פעם אחרת ואית דמפרשי הואיל וחליף שעתא וקבלתי צער מיתה לא אקבל עוד פעם אחרת אילך מכאן ובפסחים מוכח שהלך לביתו דאמר רב כהנא אי לאו דנסיבנא כהנתא לאו אנא גלאי אמרי ליה והא למקום תורה גלית א"ל לאו אנא גלאי כדגלו שאר אינשי שהרי לא י עבור מקום תורה גליתי אלא מאימת מלכות ברחתי אלמא בתר הכי אי היה ועוד אמרינן בברכות ירושלמי דפגע ביה ההוא גברא א"ל מאי עבדי בשמיא כלומר שלעג עליו שהיה מת וחיה א"ל גזר דיניה דההוא גברא מחתם אתם ומית ההוא גברא פגע ביה אחרינא א"ל ה"נ ומית אתו לקמיה דרבי יוחנן א"ל בר איניש דאמיה מבשרא ליה ואינהתיה דאבוה מיקרא כו' : תיריה . הקיטו משנתו : דילכון אמרי . שלכם הייתי אומר תורה של בני א"י [היא] : דילהון היא . של בני בבל : תקיל ויהיב . לרב חסדא : תקיל ושקיל . לנפשיה מדקדק בחלוקה ואינו מוותר מהלקו כלום . ל"א מהנה היה נוטל ודרך שאר אריסיה ליטול שליש : [קרא אנפשיה] . רב חסדא צדיק והארים חוטא ונלפן

גיוואָרין . איז רב כהנא געשטאָרבין . אויף מאָרגין האָט רבי יוחנן גזאָגט צוא דיא רבנן איר האָט גיזעהן וואָס דער למדן פון בבל האָט געטאָהן . ער האָט גיטראַכט פון מיר . האָבען דיא רבנן גזאָגט צוא רבי יוחנן ער האָט גאר ניט גיטראַכט נאר זיין שטייגער איז אזוי גיוועזן צוא האַלטען דיא מויל גלייך וויא מען לאַכט . איז רבי יוחנן גיגאַנגען צוא דעם קעלער וואו רב כהנא איז דאָרט גילעגין . האָט ער גיזעהן אַשלאַנג ליגט אַרום דעם קעלער אונ ער האַלט דעם וויידיל אין מויל . אונ מען קען ניט אַריין גיין אין דעם קעלער . האָט רבי יוחנן גזאָגט צום שלאַנג . שלאַנג שלאַנג העפין דיין מויל אונ נעם אַרויס דעם וויידיל פון מויל אונ מאַך אַטיר מען זאָל קענען אַריין גיין אין דעם קעלער . וועט אַריין גיין דער רבי צוא זיין תלמיד . האָט דער שלאַנג ניט גיהעפינט . זאָל אַריין גיין אַחבר צוא אַחבר . האָט דער שלאַנג ניט גיעפינט . זאָל אַריין גיין דער תלמיד צום רבי . האָט דער שלאַנג גיעפינט . האָט רבי יוחנן גיבעטין צוא גאָט איז רב כהנא לעבעדיג גיוואָרין . האָט רבי יוחנן געזאָגט צוא רב כהנא ווען איך וואָלט וויסען אַז דער נאַטור פון דיר איז צוא האַלטען דיא מויל אַזוי וויא לאַכענדיג . וואָלט איך בייא מיר ניט אַזוי דער נידערט גיוואָרין . קום מיר וועלין גיין צוריק אין בית המדרש . האָט רב כהנא גזאָגט צוא רבי יוחנן אויב דוא קענסט אוים בעטין אַז איך זאָל שוין ניט שטאַרבין . וועל איך גיין מיט דיר . אונ אויב דוא קענסט דאָס ניט אוים בעטין . וועל איך ניט גיין מיט דיר . ווייל עס איז שוין איין מאָהל אַריבער דיא צייט . איך האָב שוין גיליטען דעם צער פון טויט . וויל איך שוין ניט לעבעדיג ווערין אונ נאָך אַמאָהל שטאַרבין . האָט רבי יוחנן אים אויף גיוועקט אונ האָט אים אויף גישטעלט . אונ האָט בייא אים גיפרעגט אַלץ וואָס אים איז גיוועזן אַספק . אונ רב כהנא האָט אים אַלץ גזאָגט . דאָס איז וואָס רבי יוחנן האָט גזאָגט . איך האָב גימיינט דיא תורה איז אַייערע וואָס דיא רבנן פון ארץ ישראל . איצט זעה איך אַז דיא תורה איז זייערע . צוא דיא רבנן פון בבל . דיא רבנן פון בבל קענען בעסער לערנען וויא דיא רבנן פון ארץ ישראל :

ג רב חסדא האָט גיהאַט אַאָרים אַפעלד אַרבעטער וואָס ער האָט גיאַרבעט אין זיינע פעלדער גיהאַקערט גיזייט געשניטען . אונ פאַר זיין אַרבעט פלעגט ער נעמען אַחלק אין דיא תבואה פון פעלד . וואָס ער פלעגט געמען העלפט תבואה פאַר זיך . אונ העלפט תבואה האָט

לצדיק חיל חוטא (איוב כז) כי מה תקות חנף כי יבצע
כי ישל אלוה נפשו. רב הונא ורב חסדא חד אמר נפשו
דנגזל וחד אמר נפשו של גזלן. מ"ד נפשו של נגזל
דכתיב (משלי א) כן ארחות כל בוצע בצע את נפש בעליו
יקח. מ"ד נפשו של גזלן דכתיב (שם כב) אל תגזל דל
כי דל הוא ואל תדכא עני בש[ער] כי ה' יריב ריבם
וקבע את קובעיהם נפש. ואידך נמי הכתיב נפש בעליו
יקח כאי בעליו בעליו דהשתא. ואידך נמי הכתיב
וקבע את קובעיהם נפש מה טעם קאמר מה טעם
וקבע את קובעיהם משום דקבעי נפש. אמר רבי יוחנן
כל הגוזל את חברו שוה פרוטה כאילו נוטל נשמתו
ממנו שנאמר כן ארחות כל בוצע בצע את נפש בעליו יקח. ואומר (ירמיה ה) ואכל
קצירך ולחמך יאכלו בניך ובנותיך ואומר (יואל ד) מחמס בני יהודה אשר שפכו דם נקי
בארצם ואומר (ש"ב כא) אל שאול ואל בית הדמים אשר המית הגבעונים מאי ואומר
וכ"ת

ונפקא מינה לרב חסדא דשלקו וגזל שלקו :
[כי ישל אלוה נפשו. משליך הקדוש ברוך הוא נשמתו ומאבד ממנו כמה אחת] : אל תגזל דל כי
דל הוא. אע"פ שדל הוא ואין לו מה נגזלנו : אל
תדכא עני בשער. מעשר עני ולקט שכחה ופאה
שמתחלקין בשעריך אל תדכאהו בם : וקבע את
קובעיהם נפש. גוזל נפש גוזליהם : בעליו דהשתא.
גזלן שנעשה עכשיו בעלים לממון : ואכל קצירך
ולחמך. ודומה לך כאוכל בניך ובנותיך לפי שאין
לך טוב במה לפרנסם : מחמס בני יהודה. מגזל
שעשו מעלה אני עליהם כאילו שפכו דם נקי :
המית הגבעונים. כדמפרש לקמיה שהמית כהני נוב :
[שהיו מספיקין מים ומזון לגבעונים] שהגבעונים היו
משמשים למזבח [חוטבי עצים] ושואבי מים ומעלה
עליו

ער גיגעבין צוא רב חסדא. האט רב חסדא אפ גישאפט דעם אריס. האט רב חסדא גיליינט
אויף זיך דעם פסוק עס איז בעהאלטען פאר דעם צדיק. פאר מיר. דאס גוטס פון דעם זינדיגער
פון דעם אריס. אין פסוק שטייט וואס איז דיא אפענונג פון דעם פאלשין וואס ער גזלת. גאט
ווערט אוועק ווארפין זיין נשמה. רב הונא אונ רב חסדא קריגען אין דעם פסוק. איינער זאגט
דיא נשמה פון נגזל. כון דעם וואס איז גיגזלת גיווארין ואונ אזוי מיינט דער פסוק וואס איז די
אפענונג פון דעם פאלשין וואס ער גזלת. גאט ווערט דאך אים רעכענען גליך וויא ער וואלט
אוועק גינומען ביא אים זיין נשמה. אונ איינער זאגט דיא נשמה פון גזלן. ואונ אזוי מיינט דער
פסוק וואס איז דיא אפענונג פון דעם פאלשין וואס ער גזלת. גאט ווערט דאך אוועק נעמען זיין
נשמה. דער וואס זאגט מען מיינט דיא נשמה פון נגזל. ווארום עס שטייט אין פסוק אזוי איז
דער שטייגער פון א גזלן ער נעמט דיא נשמה פון דעם בעל הבית. אונ דער וואס זאגט מען
מיינט דיא נשמה פון גזלן. ווארום עס שטייט אין פסוק זאלסט ניט גזלנען דעם ארעם מאן ווארום
ער איז א ארעם מאן זאלסט ניט צוא שטויסען דעם ארעם מאן אין טויער ווארום גאט וועט
קריגען זייער קריג אונ ער וועט אוועק נעמען ביא דיא וואס האבען זייא גיגזלת. זייערע
נשמות. פרעגט דיא גמרא עס שטייט דאך אין פסוק ער וועט נעמען די נשמה פון בעל הבית.
מיינט מען דאך דיא נשמה פון נגזל. איז דאך א קשיא אויף דעם וואס זאגט די נשמה פון גזלן.
ענפערט דיא גמרא דעם בעל הבית מיינט מען דעם איצטיגען בעל הבית. אונ איצט איז דער
בעל הבית דער גזלן. פרעגט דיא גמרא עס שטייט דאך אין פסוק ער וועט אוועק נעמען ביא
זייערע גזלנים דיא נשמה. מיינט מען דאך דיא נשמה פון גזלן. איז דאך א קשיא אויף דעם
וואס זאגט דיא. נשמה פון נגזל. ענפערט דיא גמרא דער פסוק זאגט אטעם. פאר וואס וועט
ער גזלנען דיא גזלנים. ווייל דיא גזלנים נעמען אוועק דיא נשמה פון נגזל. רבי יוחנן זאגט אז
איינער גזלת ביי זיין חבר אזאך וואס איז ווערט א פרוטה. איז גליך וויא ער וואלט ביא אים
גינומען דיא נשמה. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אזוי איז דיא וועג פון גזלן ער נעמט צו דיא
נשמה פון בעל הבית. נאך זאגט דער פסוק דער וואס וועט עסין דיין שניט אונ דיין ברויט.
איז גליך וויא ער וואלט עסין דיינע זיהן אונ דיינע טעכטער. נאך זאגט דער פסוק דיא רויב וואס
יהודה האט גירויבט איז גליך וויא זייא וואלטין פר גאסען ריין בלוט אין זייער לאנד. נאך זאגט
דער פסוק אויף שאול אונ אויף דיא בלוטיגע הויז. וואס ער האט גיהרגת דיא גבעונים. פרעגט
דיא גמרא צוא וואס ברייגגט מען אזוי פיל פסוקים. נאר טאמער וועט זאגין אז איינער גזלת

וכ"ת נפש דידיה אין אבל נפש בניו ובנותיו לא תא שמע בשר בניו ובנותיו וכ"ת ה"מ היכא דלא יהיב דמי אבל היכא דיהיב דמי לא ת"ש מהמס בני יהודה אשר שפכו דם נקי בארצם וכ"ת הני מילי היכא דקעביד בידים אבל גרמא לא ת"ש אל שאול ואל בית הדמים אשר המית את הגבעונים וכי היכן מצינו שהרג שאול את הגבעונים אלא מתוך שהרג נוב עיר הכהנים שהיו מספיקים להם מים ומזון מעלה עליו הכתוב כאילו הרגן :

עליו כאילו המיתה כגבעונים : אבל נפש בניו ובנותיו לא. הא מלאת נפש בעליו יקח לא נסקה מן אלא נפש כגוזל אבל בניו ובנותיו לא נשנה גאון הנפשות בני כגוזל : [דלא יהיב דמי]. שמשון יהיב דמי וזה לא היה רוצה למכור :
רבינא : גבאי צדקה היה : כבלי . שרשרות וכו' : הירי . צמידים : בני מחוזא . עשירים הם :

ד **גבאי** צדקה לוקחין מהם דבר מועט אבל לא דבר מרובה רבינא איקלע לבי מחוזא אתו נשי דבי מחוזא רמו קמיה כבלי ושירי קביל מיניהו אמר ליה רבה תוספאה לרבינא והתניא גבאי צדקה מקבלים מהם דבר מועט אבל לא דבר מרובה א"ל הני לבני מחוזא דבר מועט נינהו :

ההוא

בַּיי זַיין חַבֵר אִיז נָאר גְלַייךְ וִויא עֶר הָרְגֶת אִים אַלֵיין וֶוערְט עֶר נָאר גִישְׁטְרָאפְט פַאר אִים אַלֵיין אָבֶּער פַאר זַיינֶע זִיהְן אוּנ זַיינֶע טֶעכְטֶער וֶוערְט עֶר גָאר נִיט גִישְׁטְרָאפְט. דְרִיבֶּער שְׁטֵייט אִין פָּסוּק אַז עֶס אִיז גְלַייךְ וִויא עֶר וָואלְט נִיהַרְגֶת זַיינֶע זִיהְן אוּנ זַיינֶע טֶעכְטֶער אוֹיךְ. אוּנ טָאמֶער וֶועסְטוּ זָאגִין דָאס אִיז נָאר אַז עֶר גוֹזֶלֶת בַּיי זַיין חַבֵר אַזַאךְ אוּנ גִיט אִים גָאר נִיט פַאר דִיא זַאךְ. אָבֶּער אַז עֶר בַּצָאהְלְט אִים פַאר דִיא זַאךְ אִיז נִיט גְלַייךְ וִויא עֶר וָואלְט אִים גִיהַרְגֶת. שְׁטֵייט אִין פָּסוּק מֵחֲמַס בְּנֵי יְהוּדָה. פוּן דִיא חָמָס וָואס יְהוּדָה הָאט גִיטָאהְן. (חָמָס הֵייסְט אַז מֶען נֶעמְט אַוֶועק אַזַאךְ בַּיי זַיין חַבֵר אוּנ מֶען בַּצָאהְלְט אִים פַר דִיא זַאךְ). אִיז גְלַייךְ וִויא זֵייא וָואלְטִין פַאר גָאסֶען רֵיין בְּלוּט אִין זֵייעֶר לַאנְד. אוּנ טָאמֶער וֶועסְטוּ זָאגִין דָאס אִיז נָאר אַז עֶר אַלֵיין גוֹזֶלֶת בַּייא זַיין חַבֵר מִיט זַיינֶע אֵייגֶענֶע הֶענְט: וֶוערְט עֶר גִישְׁטְרָאפְט גְלַייךְ וִויא עֶר וָואלְט אִים גִיהַרְגֶת. אָבֶּער אַז עֶר אַלֵיין הָאט בַּיי יֶענֶעם נִיט גִיגַזְלֶת. נָאר דוּרְךְ אִים אִיז גִיוָוארִין דִיא גְזֵלָה. וֶוערְט עֶר נִיט גִישְׁטְרָאפְט גְלַייךְ וִויא עֶר וָואלְט אִים גִיהַרְגֶת. שְׁטֵייט אִין פָּסוּק אוֹיף שָׁאוּל אוּנ אוֹיף דִיא בְּלוּטִיגֶע הוֹיז וָואס עֶר הָאט גִיהַרְגֶת דִיא גִבְעוֹנִים: וואו גֶעפִינֶען מִיר אַז שָׁאוּל הָאט גִיהַרְגֶת דִיא גִבְעוֹנִים. נָאר וַוייל שָׁאוּל הָאט גִיהַרְגֶת דִיא כֹּהֲנִים פוּן דִי שְׁטָאט נוֹב וָואס זֵייא פְלֶעגִין גֶעבִּין וַואסֶער אוּנ שְׁפַּייז צוּא דִיא גִבְעוֹנִים: רֶעכֶנְט דֶער פָּסוּק גְלַייךְ וִויא עֶר וָואלְט גִיהַרְגֶת דִיא גִבְעוֹנִים:

ד **גַּבָּאִי**: דִיא מֶענְטְשִׁין וָואס נֶעמֶען גֶעלְט אוֹיף צְדָקָה. צוּא טֵיילֶען אָרֶעמֶע לַייט: מֶעגִין זֵייא נֶעמֶען בַּיי וַוייבֶּער אַקְלֵיינִיגְקֵייט אוֹיף צְדָקָה. אָבֶּער פִיל נִיט. רַבִינָא אִיז אַמָאהל גִיקוּמִין אִין מְחוֹזָא. זֶענֶען גִיקוּמֶען דִיא ווַייבֶּער פוּן מְחוֹזָא אוּנ הָאבֶּען גִיוָוארְפֶען פַר אִים גָאלְדֶענֶע קֵייטִין אוּנ פִינְגֶערְלַאךְ. הָאט רַבִינָא אַלְץ צוּא גִינוּמִין. הָאט רַבָּה תּוֹסְפָאָה גִיזָאגְט צוּא רַבִינָא מִיר הָאבֶּען דָאךְ גִילֶערְנְט דִי גַבָּאִים פוּן צְדָקָה מֶעגִין נָאר נֶעמֶען פוּן וַוייבֶּער אַקְלֵיינִיגְקֵייט אָבֶּער נִיט פִיל. הָאט רַבִינָא גִיזָאגְט בַּייא דִיא מֶענְטְשִׁין פוּן מְחוֹזָא וָואס זֵייא זֶענֶען רֵייךְ אִיז דָאס אַקְלֵיינִיגְקֵייט. אַזוֹי יֶעדֶער אִשָּׁה מֶעג גֶעבִּין אוֹיף צְדָקָה אָן אִיר מַאנְס וִויסֶען. אָבֶּער נָאר אַקְלֵיינִיגְקֵייט. אוּנ דָאס קְלֵיינִיגְקֵייט וֶוערְט גִירֶעכֶנְט נָאךְ אִיר מַאנְס פַאר מֶעגִין. רֵייךְ אָדֶער אָרֶעם:

מסכת בבא מציעא פרק ראשון

(דף ה) א והההוא רעיא דהוו מסרי ליה כל יומי חיותא בסהדי יומא חד מסרו ליה בלא סהדי לסוף אמר להו לא היו דברים מעולם אתו סהדי אסהידו ביה דאכל תרתי מינייהו אמר רבי זירא וכו' משתבע אשארא א"ל אביי והא גזלן הוא וכו'] (ע"ב) ותיפוק ליה דהו"ל רועה וא"ר יהודה סתם רועה פסול לא קשיא הא דידיה הא דעלמא דאי לא תימא הכי אנן חיותא לרועה היכי מסרינן והכתיב (ויקרא יט) ולפני עור לא תתן מכשול אלא חזקה אין אדם חוטא ולא לו:

ותיפוק ליה דה"ל רועה. אדאביי קמתמה דקאס ליה והא גזלן הוא ותיפוק ליה דבלאו הכי גזלן פסול לשבועה: דאר"י סתם רועה. אפילו לא הועד עליו בגזל: פסול. לעדות דסתמיה גזלן הוא שמרעה בהמותיו בשדות של אחרים: דידיה. רועה בהמות שלו פסול דבשביל הנאתו רועה אותן בשדות אחרים אבל רועה בהמות העיר בשכר בשביל הנאות אחרים אינו חוטא להרעות עד שיגיע למרעה המופקר לכל: דאלת"ה. דלא אמרינן על רועה בהמות דעלמא שהוא גזלן אלא חיותא לרועה היכי מסרינן: כי הדר ביה טעמא אחרינא הוא. הא דאמר דכי הדר ביה הכנסות בידו לאו משום דעד השתא לאו כיד בעל הבית הוא אלא טעמא אחרינא הוא שאינו שלו כעבד שאם בא לעזוב לו שכרו מכאן ואילך ולהזור בו יחזור בו:

(דף י) ב והא אמר רב פועל יכול לחזור בו אפילו בחצי היום אמר ליה כל כמה דלא הדר ביה כיד בעל הבית הוא כי הדר ביה טעמא אחרינא הוא דכתיב (ויקרא כה) כי לי בני ישראל עבדים עבדי הם ולא עבדים לעבדים:

אמר

פרק ראשון

א ההוא. עס איז געוועזן אפאסטוך וואס די בעלי בתים פון שטאט פלעגן אים געבן אלע טאג זייערע בהמות צום פאשין. נאר זייא פלעגן אים געבן פאר עדות. אמאהל איין טאג האבין זייא אים גיגעבין די בהמות אן עדות. האט דער פאסטוך צוא גינומען די בהמות אונ האט גיזאגט עס איז ליגען מען האט אים גאר ניט גיגעבין בהמות צום פאשין. דער נאך זענען גיקומען עדות אונ האבען גיזאגט זייא האבען גיזעהן וויא דער פאסטוך האט אויף גיגעסין צוויא בהמות: האט רבי זירא גיזאגט דער פאסטיך דארף שווערין אויף די איבעריגע בהמות וואס מען מאנט בייא אים. אז ער האט זייא ניט גינומען. האט אביי גיזאגט וויא אזוי קען מען אים געבין אשבועה ער איז דאך אגזלן. פרעגט די גמרא וואס דארפסטו זאגין ער איז אגזלן. ער איז דאך אפאסטוך. אונ רב יהודה האט גיזאגט אפאסטוך איז פסול צו עדות אונ צוא שבועה. ווייל ער פאשעט די בהמות אויף פרעמדע פעלדער איז ער אגזלן. ענפערט די גמרא עס איז ניט קיין קשיא. דער פאסטוך וואס פאשעט זיין אייגענע בהמות. פיטערט ער זייא אויף פרעמדע פעלדער. איז ער אגזלן. אבער דער פאסטוך וואס פאשעט פרעמדע בהמות. פיטערט ער זייא ניט אויף פרעמדע פעלדער. איז ער ניט קיין גזלן. ווארום אז דוא וועסט ניט אזוי זאגין. וויא אזוי געבין מיר בהמות צוא אפאסטוך. טאמער וועט ער זייא פיטערין אויף פרעמדע פעלדער. אונ עס שטייט דאך אין פסוק פאר אבלינדין זאלסטו ניט געבין אשטרויכלונג: דאס מיינט מען דוא זאלסט ניט ברייגגען אמענטשין צוא אעבירה. אונ מיר ברייננגען דאך דעם פאסטוך צוא אעבירה. ער זאל זיין אגזלן אונ זאל פיטערין די בהמות אויף פרעמדע פעלדער. נאר ווייל די בהמות זענען ניט זיינע פיטערט ער זייא ניט אויף פרעמדע פעלדער: ווארום אמענטש זינדיגט ניט ער זאל ניט הנאה האבען פון די עבירה:

ב והא. רב האט דאך גיזאגט אארבעטער קען חרטה האבען אפילו אין מיטען טאג. האט ער גיזאגט צוא אים אזוי לאנג וויא ער האט ניט חרטה גיהער ער צום בעל הבית: אונ זיין האנט איז גלייך וויא די האנט פון בעל הבית. וואס ער געפינט אונ פארדינט גיהער צום בעל הבית. אונ דאס וואס ער קען חרטה האבין ווען ער וויל. דאס איז דורך איין אנדער זאך. ווייל עס שטייט אין פסוק גאט האט גזאגט צוא מיר זענען די יודין קנעכט זייא זענען מיינע קנעכט אונ זייא זאלין ניט זיין קנעכט בייא קנעכט:

(דף טו) **ג אמר** רמי בר חמא הא גברא והא תיובתא אמר רבא גברא חזינא תיובתא לא חזינא כו' שלחוה קמיה דרבי אבא בר זבדא אמר ליה זו אינה צריכה לפנים אמר רבא זו צריכה לפנים ולפני ולפנים:

(דף יז) **ד נא"ר** חייא בר אבא אמר רבי יוחנן הטוען אחר מעשה ב"ד (ע"ב) לא אמר כלום] מ"ט כל מעשה ב"ד כמאן דנקיט שטרא בידיה דמי א"ל רבי חייא בר אבא לר' יוחנן ולא משנתנו היא זו הוציאה גט ואין עמו כתובה גובה כתובתה א"ל אי לאו דדלאי לך הספא לא משכחת מרגניתא תותה:

(דף כ) **ה ההוא** גיטא דאשתכח וכו' (ע"ב) א"ל רב עמרם לרבה היכי פשיט מר איסורא מממונא א"ל תרדא. שטרי חליצה ומיאונין תנן. פקע ארזא דבי רב מר אמר משום לתאי דידי פקע ומר אמר משום לתאי דידי פקע:

הא גברא והא תיובתא. הרי אדם גדול וכמוהו תשובתו דקתני לא אמר כלום וכו': אינה צריכה לפנים. אינה צריכה כדי לתרצה להכניסה לפני בני הישיבה שאין בהם יודע לפרקה ותשובת הגאונים מפרשים לגמרי דליכא קושיא מעליא אל תעלים עינו:

הטוען אחר מעשה ב"ד. דבר שהוא תנאי ב"ד כגון כתובה וכו':

תרדא. מטועמם: פקע ארזא. נשבר כעמוד שבבהמ"ד נשען עליו: משום לתאי דידי פקע. בשביל מזלי שקינא על שגדפתני: ומר אמר משום לתאי דידי פקע. שהשבת על דברי לביישני בבית המדרש ע"כ:

א"ר

ג אמר. רמי בר חמא האט גיזאגט דאס איז דער מענטש און דאס איז זיין קשיא. האט רבא גיזאגט אמענטשין זעה איך אקשיא זעה איך ניט האט מען געשיקט די קשיא פאר רבי אבא בר זבדא האט רבי אבא בר זבדא גיזאגט די קשיא דארף מען ניט אריין ברייגען אינוועייניג אין דער ישיבה. ווארום עס איז ניט קיין גרויסע קשיא. רבא זאגט די קשיא דארף מען אריין ברייגען גאר אינוועייניג. צוא די גרעסטע תלמידים פון דער ישיבה זייא זאלין דאס ענטפערין. ווארום דאס איז גאר אגרויסע קשיא:

יד ההוא . אמאהל האט אאלטער קנעכט אפ גיפארבט די האר פון זיין קאפ אונ זיין בארד . זייא זאלין אויס זעהן שווארץ . וועט מען מיינען אז ער איז איונגער מאן . אונ ער איז גיגאנגען זיך פאר קויפין פאר אקנעכט : איז ער גיקומען צו רבא אונ האט גזאגט צו אים קויף מיך פאר אקנעכט . האט רבא גזאגט צו אים דער תנא האט גזאגט די ארעמע לייט זאלין זיין דיינע שטוב מענטשין . אז דו דארפסט קנעכט זאלין דיך בעדינען . זאלסטו בעסער נעמען יודישע ארעמע לייט פאר קנעכט . איז דער קנעכט גיקומען צו רב פפא בר שמואל . האט רב פפא אים גיקויפט . אמאהל האט רב פפא גזאגט צום קנעכט גיב מיר אטרונק וואסער : איז גיגאנגען דער קנעכט אונ האט אפ גיוואשין די פארב פון זיין קאפ אונ פון זיין בארד אונ ער האט גזאגט צו רב פפא זעה אז איך בין עלטער פאר דיין פאטער אונ דו פערלאנגסט איך זאל דיך בעדינען האט רב פפא אויף זיך גילייענט דעם פסוק דער צדיק (רבא) איז ארויס גיצויגין גיווארין פון די צרה . אונ צו מיר איז זיא גיקומען :

פרק חמישי

א לא : צו וואס האט די תורה גישטעלט מען זאל ניט גנבנן פרעמדע געלט . מאדאך מען טאר ניט נעמען פראצענט אונ אז איינער קויפט אזאך בייא זיין חבר טאר מען ניט נארין . טאר מען דאך געווים ניט גנבנן . זאגט די גמרא די תורה זאגט מען טאר ניט גנבנן אפילו ער מיינט ניט דאס נעמען פאר זיך . ער וויל נאר יענעם דער צערינען . אונ מען טאר ניט גנבנן מען זאל בצאהלין טאפיל . למשל ער וויל שיינקען איינעם אמתנה אונ יענער וויל ניט נעמען אמתנה . וויל ער בייא אים גנבנן ער זאל דארפין בצאהלין אים טאפיל . טאר מען דאס אויך ניט . רב ייטר האט גזאגט צו רב אשי צו וואס האט די תורה געשריבען אז מען טאר ניט געבין אפאלשע וואג . דאס איז דאך גזלה . אונ די תורה האט דאך שוין גזאגט איין

לעבור עליו משעת עשיה. ת"ר (סס) לא תעשו עול במשפט במדה במשקל ובמשורה (במשפט כמשמעו) במדה זה מדידת קרקע שלא ימדוד לאחד בימות החמה ולאחד בימות הגשמים במשקל שלא יטמין משקלותיו במלח ובמשורה שלא ירתיח והלא דברים ק"ו ומה משורה שהיא א' משלשים וששה (ושלשה) בלוג הקפידה עליו תורה ק"ו להין וחצי הין ושלישית ההין ורביעית ההין ולוג וחצי לוג ורביעית הלוג. אמר רבא למה לי דכתב רחמנא יציאת מצרים ברבית יציאת מצרים גבי ציצית יציאת מצרים במשקלות. אמר הקב"ה אני הוא שהבחנתי במצרים בין טפה של בכור לטפה שאינה של בכור אני הוא שעתיד ליפרע ממי שתולה מעותיו בנכרי ומלוה אותן לישראל ברבית וממי שטומן

משקלות ו

המנה או הפרס טומן במלח להכבידו וכשהוא לוקח במשקל לוקח באלו : מ עת עשיה. משעת העשיה ואפילו לא שקל בהן : לא ימדוד לאחד בימות החמה כו'. אחין הבאין לחלוק את השדה לא ימדוד המודד לאחד בימות החמה ולאחד בימות הגשמים באותו החבל מפני שהחבל לח בימות הגשמים ומתפשט כל צרכו ובימות החמה מתוך יובשו הוא נגמד וכווץ : משורה . מדת הלח היא : ירתית. אשקומ"א בלעז בממלא את המדה כשמוציא את היין ולאחר זמן נמצאת הכרה : יציאת מצרים גבי רבית. בפרשת בהר סיני : גבי משקלות . בקדושים תהיו : שהבחנתי במצרים . הרי שבאו עשרה רווקים על מצרית אחת ונתעברה מהן בעשר עיבורים עשר בכורות שהן בכורות של אביהן כלם מתו : תולה מעותיו בנכרי . מלוה מעותיו לישראל ברבית ואומר

מאהל אז מען טאר ניט גנבן : האט רב אשי גזאגט דיא תורה מיינט אז איינער בעהאלט זיינע געוויכטער אין זאלץ . דיא פונטען זאלין שווערער ווערין . אז ער וועט קויפען סחורה זאל ער קויפען אויף דיא שווערע וואג . דאס טאר מען ניט. פרעגט דיא גמרא געווים טאר מען דאס ניט . דאס איז דאך אויך אמתה גזלה . ענטפערט דיא גמרא דיא תורה מיינט אזוי ווי ער לייגט נאר אריין דיא פונטען אין זאלץ . זייא זאלין שווערער ווערין ער זאל קענען נארין . אפילו ער הט נאך ניט גינארט . איז ער שוין עובר אויף אלאו פון אפאלשע וואג . דיא רבנן האבען גילערונט עס שטייט אין פסוק איר זאלט ניט טאהן קיין אומרעכט אין משפט אין מדה אין משקל אונ אין משורה. משפט מיינט מען אדין תורה : מדה מיינט מען אמאס פון ערד : אז מען מעסט ערד מעסט מען מיט אשטריק . אונ אז צוויא מענטשין האבען זיך גידארפט טיילען מיט ערד . זאל מען נישט מעסטין צוא איינעם אום זומער אונ צום אנדערין אום ווינטער מיט דעם זעלביגען שטריק. ווארום זומער איז דער שטריק קירצער . ווייל ער איז איין געטריקונט : אונ ווינטער איז דער שטריק לייגער . ווייל ער איז נאס קען מען אים גוט אוים ציהען . וועט איינער האבען ווייניגער ערד ווייא דער אנדערער . במשקל מיט אזואג מיינט מען . ער זאל ניט בעהאלטען זיינע פונטען אין זאלץ . במשורה איז אמאס פון נאסע זאכען . זאגט דיא תורה ווען ער מעסט משקה זאל ער נישט מעסטין מיט אשאם . ווארום דיא מאס איז ניט פול : איז דאך אקל וחומר . מאדאך משורה וואס דאס איז גאר אקליינע מאס . זיא איז אזעקס אונ דרייסיג חלק פון אקוארט . האט דיא תורה גזאגט מען זאל ניט נארין מיט דעם ביסול שאם : אז מען מעסט מיט אהין אונ מיט אהאלבע הין אונ מיט אדריטול הין אונ מיט אפערטל הין מיט אלוג מיט אהאלבין לוג . דארף ער געווים זעהן ער זאל ניט מעסטין מיט שאם . רבא הט גזאגט צוא וואס האט דיא תורה גישטעלט יציאת מצרים בייא פראצענט . יציאת מצרים ביי ציצית . יציאת מצרים ביי אפאלשע וואג . ביי די דריי זאכען שטייט איך בין אייער גאט וואס איך האב אייך ארויס גינומען פון מצרים . גאט האט גזאגט איך האב גיוואוסט אין מצרים וועלכער מצרי איז גיבארין גיווארין פון ערשטין טראפין זרע . אונ וועלכער מצרי איז גיבארין גיווארין ניט פון ערשטין טראפין זרע : דאס מיינט מען וועלכער מצרי איז אבכור צוא זיין פאטער . איז ער גישטארבען . אונ וועלכער מצרי איז ניט גיוועזן אבכור צוא זיין פאטער האט ער גילעבט . וועל איך ויסען גיצאהלט צוא ווערין פון דעם וואס זאגט אז דאס איז גוישע געלט . אונ ער פר בארגט זייא צוא איודין אויף פראצענט . אונ אין אמת איז דאס גאר זיין געלט . אונ איך וועל וויסען גיצאהלט צוא ווערין פון דעם וואס בעהאלט זיינעפונטען אין זאלץ זייא זאלין שווער ווערין :

של נכרי כס: קלא אילן. לבע כדומה לתכלת והמונא אמר פתיל תכלת והכלת דמיו יקרים שלבוע כ"ס הלזון שאינו עולה מן הים אלא אחת לשבעים שנה: סורא דפרת. כורא היושבת על נהר פרת ואין זו סורא סתם: גבי שרצים. בויהי כיו: השמיני כי אני ה' המעלה אתכם מארץ מצרים: אלא בשביל דבר זה. כדמפ"ש לקמיה שהן מעולים ונאים ואינן נמאסים בשקלים הללו להכי כתיב לשון עילוי שמעלה גדולה היא אצלם:

של תורה. דרך הלואה: עד כאן יכין רשע וצדיק

משקלותיו במלח וממי שתולה קלא אילן בבגדו ואומר תכלת הוא:

ב רבינא איקלע לסורא דפרת א"ל רבי חנינא מסורא דפרת לרבינא יציאה דכתב רחמנא גבי שרצים למה לי א"ל אמר הקב"ה אני הוא שהבחנתי בין טפה של בכור לטפה שאינה של בכור אני עתיד ליפרע ממי שמערב קרבי דגים טמאים בקרבי דגים טהורים ומוכרן לישראל א"ל אנא המעלה קא קשיא לי מאי שנא [הכא] המעלה דכתב רחמנא א"ל לכדתנא דבי רבי ישמעאל דתנא דבי. רבי ישמעאל אמר הקב"ה אלמלא העליתי את ישראל ממצרים אלא בשביל דבר זה שאינן מטמאים בשרצים דיי א"ל ומי נפיש אגרייהו טפי מרבית ומציצית וממשקלות אמר ליה אע"ג דלא נפיש אגרייהו טפי מאיסי למיכלינהו:

ג [פיסקא] איזהו תרבית המרבה בפירות וכו' [אטו כל הני דאמרינן עד השתא לאו רבית הוא א"ר אבהו עד כאן של תורה מכאן ואילך של דבריהם] וכן אמר

און איך וועל וויסען גיצאהלט צוא ווערין פון דעם וואס פארבט זיין קלייד מיט דיא פארב פון אזוי אבוים. אין ער זאגט דאס איז תכלת: ווארום תכלת וואס דיא תורה האט גזאגט איז אטייערע פארב. ווארום איין מאהל אין זיבעציג יאהר גייט ארויס פון ים אוואורעם וואס ער הייסט חלזון. און מיט זיין בלוט ווערט גיפארבט. און דאס הייסט תכלת. און דיא פאלשע מענטשין נעמען אזוי אפארב פון אבוים: און זאגין דאס איז דער תכלת:

ב רבינא איז אמאהל גיקומען אין דיא שטאט סורא וואס ביא דעם טייך פרת. האט רבי חנינא גזאגט צו רבינא פר וואס האט דיא תורה גישטעלט ביא שרצים יציאת מצרים עס שטייט אין פסוק איר זאלט ניט עסין שרצים ווארום איך בין דער גאט וואס האב אייך אויף גיבראכט פון מצרים. האט רבינא גזאגט צוא רבי חנינא גאט האט גזאגט איך האב געוואוסט אין מצרים וועלכער מצרי איז גיבארין גיווארין פון ערשטין טראפין זרע. און וועלכער מצרי איז גיבארין גיווארין ניט פון ערשטין טראפין זרע. דאס מיינט מען וועלכער מצרי איז גיוועזן אבכור צוא זיין פאטער. איז ער גישטארבין. און וועלכער מצרי עס איז ניט גיוועזן אבכור צו זיין פאטער האט ער גילעבט. וועל איך וויסען גיצאהלט צוא ווערין פון דעם מענטש וואס צוא מישט דיא פעטס פון דיא טרפה פיש מיט דיא פעטס פון כשרה פיש און פאר קויפט זייא צוא אידין: האט רבי חנינא גזאגט צוא רבינא איך פרעג אויף דעם ווארט מעלה. אויף גיבראכט. אין דיא גאנצע תורה שטייט איך האב אייך אויס גיצויגען פון מצרים. און דא שטייט איך האב אייך אויף גיבראכט פון מצרים. האט רבינא גזאגט דאס איז אזוי וויא רבי ישמעאל האט גילערנט. גאט האט גזאגט ווען איך וואלט אויף גיבראכט דיא יודין פון מצרים נאר פון וועגין דיא זאך וואס זיי זענען זיך ניט מטמא צוא עסין שרצים. וואלט מיר אויך גינוג גיוועזן. האט רבי חנינא גיפרעגט איז דען דער שכר פון ניט עסין שרצים גרעסער וויא ניט נעמען פראצענט. אדער וויא צוא גיין אין ציצית. אדער וויא ניט צו געבין אפאלשע וואג. האט רבינא גזאגט דער שכר פון ניט עסין שרצים איז טאקי ניט גרעסער וויא דער שכר פון אלע מצות. נאר זייא זענען אבער מיאוס צו עסין זייא. דריבער שטייט ביא שרצים דער ווארט המעלה. ווייל המעלה איז טייטש גרויסקייט. דאס איז אגרויסקייט פאר יודין אז זייא פר מיאוסען זיך ניט צוא עסין שרצים:

ג פיסקא. איזהו. וועלכעס הייסט מערונג. אז ער מערט זיין פאר דינסט דורך פירות. פרעגט דיא גמרא דיא אלע זאכען וואס דיא משנה האט גזאגט ביז איצט. ווערט דען נישט נימערט זיין געלט. האט רבי אבהו גזאגט ביז איצט שמועסט דיא משנה פון אזעלכע פראצענט

אמר רבא עד כאן של תורה מכאן ואילך של דבריהם עד כאן (איוב כז) יכין רשע וצדיק ילבש עד כאן ותו לא אלא אפילו עד כאן יכין רשע וצדיק ילבש:

(דף סב) **ד תניא** שנים שהיו מהלכין בדרך וביד אחד מהם קיתון של מים אם שותים שניהם מתים ואם שותה אחד מהם מגיע לישוב דרש בן פטורא מוטב שישתו שניהם וימותו ואל יראה אחד במיתת חבירו עד שבא ר"ע ולימד (ויקרא כה) וחי אחיך עמך חייך קודמין לחיי חבירך:

ה אמר רב כהנא הוה יתיבנא בשילהי פרקי דרב ושמעית דקאמר קרי קרי ולא ידענא מאי קאמר

ילבש. שאם מת והניח לבניו מעות של רבית אין חייבים להחזיר וע"ז נאמר יכין וגו' הכי תניא לה בתוספתא: עד כאן ותו לא. בתמיה כ"ש דרבית דרבנן אין הבן חייב להחזיר: אפילו עד כאן. דרבית דאורייתא הוא: יכין. האב שהוא רשע וימות ולא יהנה והבן שהוא צדיק אינו חייב להחזיר: אם ישתו שניהם ימותו בצמא שאין מספיקין לשניהם: ואם ישתה האחד מגיע לישוב. וימצא מים: עמך. חייך קודמין: בשלהי. פרקין כשסיים לדרוש באתי ולא שמעתי אלא דבריו: שמעתי דקאמר קרי קרי. שמעתי דורש ומזכיר דלוטין

וואס דיא תורה האט גיאסרת. למשל ער פאר בארגט הונדערט גילדין מען זאל אים צוריק געבין הונדערט מיט צעהן. פון איצט שמועסט דיא משנה פון אזעלכע פראצענט. וואס די תורה האט ניט גיאסרת. נאר דיא רבנן האבען גיאסרת. עס איז גיוועזן אהאנדיל צווישען זייא. אונ דורך דעם האנדיל איז גינומען גיווארין פראצענט. אונ אזוי האט רבא גזאגט ביז איצט שמועסט דיא משנה פון אזעלכע פראצענט וואס דיא תורה האט גיאסרת. פון איצט שמועסט דיא משנה פון אזעלכע פראצענט וואס דיא תורה האט ניט גיאסרת. נאר דיא רבנן האבען גיאסרת. ביז איצט שמועסט מען פון אזעלכע פראצענט אז ער איז גישטארבין אונ הט גילאזין דיא פראצענט געלט צוא דיא קינדער. דארפין זייא ניט אוועק געבין. אויף אים זאגט דער פסוק דער רשע וועט אן גרייטען אונ דער צדיק וועט אן קליידין. פרעגט דיא גמרא די פראצענט וואס מען שמועסט ביז איצט וואס דיא תורה האט גיאסרת דארף דער זוהן ניט אוועק געבין. אבער אנדערע פראצענט דארף ער יא אוועק געבין: דיא פראצענט וואס דיא משנה שמועסט ווייטער וואס זענען נאר אסור פון דיא רבנן דארף דאך געוויס דער זוהן ניט אוועק געבין. ענפערט דיא גמרא אזוי מיינט מען אפילו דיא פראצענט וואס דיא משנה שמועסט ביז איצט וואס דיא תורה האט גיאסרת דארף דער זוהן אויך ניט אוועק געבין. וויל עס שטייט אין פסוק דער רשע וועט אן גרייטען אונ דער צדיק וועט אן קליידין: אונ דיא פראצענט וואס נאר די רבנן האבען גיאסרת. דארף געוויס דער זוהן ניט אוועק געבין:

ד תניא. מיר האבען גילערונט צווייא מענטשין זענען גיגאנגען אין וועג. אונ איינער האט גיהאט אקריגול וואסער. אויבביידע וועלין טרינקען פון דיא וואסער. וועלין ביידע שטארבען פון דארשט. ווארום דיא וואסער וועט ניט גינוג זיין פאר ביידע ביז זייא וועלין גיקומען צוא אבוואהנטין ארט. אונ אויב איינער וועט טרינקען וועט ער קומען ביז צוא אבוואונטען ארט. אבער דער חבר וועט שטארבען פאר דארשט. בן פטירא האט גידרשת בעסער זאלען זייא ביידע טרינקען אונ ביידע זאלען שטארבען. אונ איינער זאל ניט זעהן וויא זיין חבר וועט שטארבען. ביז רבי עקיבא איז גיקומען אונ האט גילערונט עס שטייט אין פסוק וחי אחיך עמך. דיין ברודער זאל לעבין מיט דיר. דיין לעבין איז פריער וויא דיין חברם לעבין. דריבער דער ווס די וואסער איז זיינע. זאל ער טרינקען אונ בלייבען לעבין: אונ ווס דער חבר וועט שטארבען. קען ער ניט פאר זארגין:

ה אמר. רב כהנא האט גזאגט איך בין אמאהל גיזעסן בייא דער דרשה פון רב איך בין אבער גיקומען צום סוף דרשה. אונ דעם אן הייב דרשה האב איך ניט גיהערט. איך האב נאר גיהערט וויא רב האט גזאגט פלוצערין פלוצערין. אונ איך ווייס ניט וואס ער הט גימיינט. וויא רב איז אויף גישטאנען פון דער דרשה האב איך געזאגט צוא דיא תלמידים וואס האט דאס רב גזאגט עטליכע מאהל דעם ווארט פלוצערין. האבען דיא תלמידים גזאגט צוא מיר אזוי האט

קאמר בתר דקם רב אמרי להו מאי קרי קרי דקאמר רב אמרי לי הכי קאמר רב האי מאן דיהיב זוזי לנינאה אקרי וקא אולי עשרה קרי בני זרתא בזוזא וא"ל יהיבנא לך בני גרמידא איתנהו שרי ליתנהו אסור פשיטא מהו דתימא כיון דממילא קא רבו שפיר דמי קמ"ל :

(פ"ב) ו רב יוסף בר חמא תקיף עבדי דאינשי דמסיק בהו זוזי ועביד בהו עבידתא אמר ליה (רבה) [רבא] בריה מאי טעמא עביד מר הכי א"ל אנא כרב נחמן סבירא לי דאמר ר"נ עבדא נהום כריסיה לא שוי א"ל אימור דאמר ר"נ כגון דארו עבדיה דמרקד בי כובי עבדי אחריני מי אמר א"ל אנא כי הא דרב דניאל בר [רב] קטינא אמר רב סבירא לי דאמר התוקף עבדו של חבירו ועושה בו מלאכה פטור (דף סה) דניחא ליה דלא נסתרי עבדיה א"ל ה"מ היכא דלא מסיק ביה זוזי מר כיון דמסיק בהו זוזי מיחזי כרבית :

ולועין תמיד : יהיבנא לך . לאחר זמן : בני גרמידא . אמה אמה : איתנהו . אם יש לו בגנו גדולות בני אמה : ליתנהו . ועודן קטנות אסור :
תקיף עבדי דאינשי דמסיק בהו זוזי . מחזיק בעבדים של בעלי חובות שלו וכופם לעשות מלאכתו :
נהום כריסיה . לחם מאכלו והריני זמו ביום מלאכתו :
דארו עבדיה . כך שמו : דמרקד בי כובי . לינן היה ומרקד בחנויות לשתות יין : דלא נסתרי עבדיה . שלא ירגיל להיות בטל ויתעצל נסתרי הת"ו משמשת בדרך המתפעלים בתיבות שי"ן וסמ"ך כאשר יתפעל שר ויאמר הסתרר שהתי"ו מתמלעת להפסיק אותיות השורש ונגזרת כף הסתופף שה השתוחח וכן בלשון גמרא מסתרי מסתמיך אשתכי אשתקיל :

מרבה

רב גזאגט . אז איינער האט גיגעבען געלט צוא אגערטנער ער זאל אים געבין פלוצערין . איצט האט מען פאר קויפט צעהן פלוצערין וואס יעדער פלוצער איז לאנג אהאלב איל פאר אגילדין . האט דער גערטנער גזאגט איך וועל דיר געבין צעהן פלוצערין פאר אגילדין וואס יעדער פלוצער וועט זיין לאנג אאייל . אויב דיא פלוצערין וואס זענען לאנג אאייל זענען שוין דא . מעג ער אים געבין . אבער אז דיא פלוצערין וואס זענען לאנג אאייל זענען נאך ניטא . זייא זענען נאך קליין גאר זייא זיצען אין דיא ערד אונ וועלין נאך וואקסען . טאר מען ניט . פרעגט דיא גמרא געוויס טאר מען ניט . דאס איז דאך פראצענט . פר וואס פאר קויפט ער אים וואלוועל ווייל ער גיט אים פאר אויס געלט . ענטפערט דיא גמרא איך וואלט מיינען ווייל דיא קליינע פלוצערין זענען שוין דא גיהערין זיי שוין צום קויפער . אונ וואס זייא ווערין גרעסער דם וואקסען זייא דאך פון זיך אליין . זאל מען מעגין . הט רב גזאגט אז דאס טאר מען אויך ניט :

ו רב יוסף בר חמא פלעגט חאפען דיא קנעכט פון דיא מענטשין וואס ער האט ביייא זייא גימאנט געלט . אונ ער האט גינייט דיא קנעכט זייא זאלין ביי אים ארבעטין . הט זיין זוהן רבא צוא אים גזאגט פאר וואס טוהסטו אזוי אזוי . האט רב יוסף גזאגט צו זיין זוהן איך האלט וויא רב נחמן . וואס ער זאגט אקנעכט איז ניט ווערט דיא ברויט פון זיין בויך . ער פאר דינט ניט זיין עסין . אונ איך גיב דאך דעם קנעכט עסין אונ זיין ארבעט איז וויינינגער ווערט . פר דין איך דאך גאר ניט . האט רבא גזאגט צום פאטער ווען האט דאס רב נחמן גזאגט נאר אויף זיין קנעכט דארו וואס ער טאנצט צווישען דיא קראמען פאר אגלעזיל וויין ; אבער אויף אנדערע קנעכט האט רב נחמן ניט גזאגט אז זייא פאר דינען ניט זייער ברויט . האט רב יוסף גזאגט איך האלט אזוי וויא רב דניאל בר רב קטינא האט גזאגט פון רבם ווענין אז איינער חאפט זיין חברם קנעכט אונ ער ארבעט מיט אים דארף ער ניט בצאהלין צו זיין חבר ; ווארום דער חבר וויל אז ער האט ניט צו געבין זיין קנעכט ארבעט . זאל ער ארבעטין ביי איין אנדערין . דר קנעכט זאל זיך ניט גיוואוינען ארום צוא גיין לידיג . ווארום פון לידיג גיין ווערט מען פויל . אונ איך חאפ נאר אויך אזעלכע קנעכט וואס גייען לידיג . האט רבא גזאגט צום פאטער דאס איז גאר אז ער מאנט ניט קיין געלט ביייא דעם בעל הבית פון קנעכט . אבער דוא . ווייל דוא מאנסט געלט בייא דיא בעלי בתים פון דיא קנעכט . זעהט אויס אז דו ארבעסט מיט זייערע קנעכט פאר פראצענט :

(דף ע ע"ב) ז מרבה הונו בנשך ותרבית לחונן דלים יקבצנו (משלי כח) מאי לחונן דלים א"ר כגון שבור מלכא:

(דף עא) ח תני רב יוסף (שמות כב) אם כסף תלוה את עמי גו' עמי ונכרי עמי קודם עני ועשיר עני קודם ענייך ועניי עירך ענייך קודמין עניי עירך ועניי עיר אחרת עניי עירך קודמין [אמר מר עמי ונכרי עמי קודם פשיטא אר"נ אמר לי הונא לא נצרכה דאפילו לנכרי ברבית ולישראל בחנם]. תניא א"ר יוסי בא וראה כמה סמיות עיניהם של מלוי ברבית אדם קורא לחבירו רשע יורד עמו עד לחייו והם מביאים עדים ולבלר וקולמוס ודיו וכותבין וחותמין פלוני זה כפר באלהי ישראל. תניא ר"ש בן אלעזר אומר כל מי שיש לו מעות ומלוה אותן שלא ברבית עליו הכתוב אומר (תהלים טו) כספו לא נתן בנשך ושחד על נקי לא לקח עושה אלה לא ימוט לעולם הא למדת שכל המלוה ברבית נכסיו מתמוטטין. והא קא חזינן דלא מוזפי ברבית וקא מתמוטטין

שבור מלכא. מלך פרס היה ונוטל ממון מישראל ונותן בכסף גוים דלים:
עמי ונכרי. באין ללוות עמי קודם: ענייך ועניי עירך. עניים בהם קרוביך וממשפחתך: ענייך קודמין. דכתיב עמך הקרובים לך: עניי עירך קודמין. לעניי עיר אחרת דהנך הוי עמך טפי: יורד עמו עד לחייו. רגיל להתקוטט עמו כאילו הכהו וכאילו בא להורגו ואני שמעתי רשאי לירד לתוך אומנתו של חבירו ולמעט מזונותיו של חבירו וקשה בעיני שיהיו חכמים לישראל להנקם ולנטור רעה ועוד דאמרינן בכתובות עד י"ב שנה מתגלגל אדם עם בנו מכאן ואילך יורד עמו לחייו ומאי יורד לתוך אומנות איכא הא לייסרו ולכופו לתורה קאמר: פלוני כפר שהלוה לישראל ברבית: מתמוטטין דוק הכי עושה אלה לא ימוט הא אם נתן בנשך ימוט:

ז מַרְבֶּה. דֶער וָוס מֶערְט זַיין פֶר מֶעגִין דוּרְךְ פְּרָאצֶענְט. וֶועט עֶר דָס זַאמלֶען פַר אָרֶעמֶע לַייט. פַר וֶועלְכֶע אָרֶעמֶע לַייט. הָט רַב נַחְמָן גְזָאגְט אַזוֹי וִוי דֶער מֶלֶךְ שְׁבוּר פוּן דִי מְדִינָה פָּרָס פְלֶעגְט טאהן. עֶר פְלֶעגְט נֶעמֶען גֶעלְט בַּיי יוּדִין אוּנ פְלֶעגְט צוּ טֵיילֶען דִי אָרֶעמֶע גוֹיִם.

ח תָּנִי. רַב יוֹסֵף הָאט גִילֶערְנְט עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק אוֹיב דוּא וֶועסְט פַאר בָּארְגִין גֶעלְט מַיין פָאלְק. אַז אַ יוּד אוּנ אַגוֹי קוּמֶען בָּארְגִין גֶערְט. זָאל עֶר פְרִיעֶר בָּארְגִין דֶעם יוּדִין. אַז אַ אָרֶעם מַאן אוּנ אַ רַייכֶער קוּמֶען בָּארְגִין גֶעלְט זָאל עֶר פְרִיעֶר בָּארְגִין דֶעם אָרֶעם מַאן. אוֹיב אַ אָרֶעם מַאן דַיינֶער אַקְרוֹב אוּנ אַ אָרֶעם מַאן פוּן דַיין שְׁטָאט קוּמֶען בָּארְגִין גֶערְט. זָאלְסְטוּ פְרִיעֶר בָּארְגִין דֶעם אָרֶעם מַאן וָואס עֶר אִיז דַיין קָרוֹב. אוֹיב אַ אָרֶעם מַאן פוּן דַיין שְׁטָאט אוּנ אַ אָרֶעם מַאן פוּן אַ פְרֶעמְדֶע שְׁטָאט קוּמֶען בָּארְגִין גֶעלְט. זָאלְסְטוּ פְרִיעֶר בָּארְגִין דֶעם אָרֶעם מַאן פוּן דַיין שְׁטָאט. פְרֶעגְט דִיא גְמָרָא פְרִיעֶר שְׁטֵייט אַז אַ יוּד אוּנ אַגוֹי קוּמֶען בָּארְגִין גֶערְט זָאל מֶען פְרִיעֶר בָּארְגִין דֶעם יוּד. גֶעווִיס דַארְף מֶען פְרִיעֶר בָּארְגִין דֶעם יוּד. הָאט רַב נַחְמָן גִיזָאגְט הוּנָא הָאט מִיר גִיזָאגְט דֶער פָּסוּק מֵיינְט אַפִילוּ דֶער גוֹי וִויל גֶעבִּין פְּרָאצֶענְט. אוּנ דֶער יוּד וִויל אוּמְזִיסְט. זָאל מֶען פְרִיעֶר בָּארְגִין דֶעם יוּדִין: מִיר הָאבְּען גִילֶערְנְט רַבִּי יוֹסִי זָאגְט קוּם אוּנ זֶעה וִויא פַאר בְּלֶענְדְט זֶענֶען דִיא אוֹיגִין פוּן דִיא מֶענְטשִׁין וָואס פַאר בָּארְגִין גֶעלְט אוֹיף פְּרָאצֶענְט. אַז אַ מֶענְטשׁ רוּפְט זַיין חַבֵר רָשָׁע. וֶועט זִיךְ דֶער חַבֵר קְרִיגֶען מִיט אִים גְלַייךְ וִויא עֶר וָואלְט בַּייא אִים דָאס לֶעבִּין גִינוּמֶען. אוּנ דִיא מֶענְטשִׁין וָואס פַאר בָּארְגִין גֶעלְט אוֹיף פְּרָאצֶענְט זֵייא בְּרֵיינְגֶען עֵדוּת אוּנ אַ שְׁרַייבֶּער אוּנ אַ פֶעדֶער. טִינְט צוּא שְׁרַייבִּין אוּנ חַתְמֶען דֶער מֶענְטשׁ הָאט גִילֵייקִינְט אִין גָאט. גָאט הָאט גִיזָאגְט מֶען זָאל נִיט נֶעמֶען פְּרָאצֶענְט אוּנ עֶר נֶעמְט. מִיר הָאבְּען גִילֶערְנְט רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן אֶלְעָזָר זָאגְט דֶער וָואס הָאט גֶעלְט אוּנ עֶר פַאר בָּארְגְט זֵייא נִיט אוֹיף פְּרָאצֶענְט. אוֹיף אִים זָאגְט דֶער פָּסוּק זַיין גֶעלְט הָאט עֶר נִיט גִיגֶעבִּין אוֹיף בַּייסוּנְג. אוֹיף פְּרָאצֶענְט. אוּנ עֶר הָאט נִיט גִינוּמֶען שׁוֹחַד צוּ בֶּעשׁוּלְדִיגֶען דֶעם פְרוּמֶען אוּנ דֶעם גִירֶעכְטִין. דֶער וָואס טוּהְט דִיא אַלֶע זַאכִין וֶועט זִיךְ נִיט אוֹיס גְלִיטְשֶׁען אוֹיף אֵייבִּיג. עֶר וֶועט זַיין פַאר מֶעגִין נִיט פַאר לִירֶען אוֹיף אֵייבִּיג. לֶערְנֶען מִיר פוּן דַאנֶען דֶער וָואס פַאר בָּארְגְט יָא זַיין גֶעלְט אוֹיף פְּרָאצֶענְט. וֶועט זַיין פַארְמֶעגִין פַארְלָארִין וֶוערִין. פְרֶעגְט דִיא גְמָרָא מִיר זֶעהֶן דָאךְ דִיא וָואס פַאר בָּארְגִין נִיט אוֹיף פְּרָאצֶענְט אוּנ פוּן דֶעסְטְוֶועגִין פַארְלִירֶען זֵייא זֵייעֶר פַאר מֶעגִין. הָאט

מתמוטטין אמר רבי אלעזר הללו מתמוטטין ועולים והללו מתמוטטין ואינם עולים (חבקוק א) למה תביט בוגדים תחריש בבלע רשע צדיק ממנו א"ר הונא צדיק ממנו בולע צדיק גמור אינו בולע :

(דף ע"ג ע"ב) **ט רב** סעורם אחוה דרבא הוה תקיף אנשי דלא מעלי ומעייל להו בגוהרקא דרבא אמר ליה רבא שפיר קעבדת דתניא ראית שאינו נוהג כשורה מנין שאתה רשאי להשתעבד בו ת"ל (ויקרא כה) לעולם בהם תעבודו ובאחיכם יכול אפילו נוהג כשורה ת"ל ובאחיכם בני ישראל איש באחיו וגו' :

(דף עה ע"ב) **י תניא** רשב"י אומר מנין לנושה בחברו מנה ואינו רגיל להקדים לו שלום שאסור להקדים לו שלום ת"ל (דברים כג) נשך כל דבר אשר ישך אפילו דבור אסור :

יא תניא ר"ש אומר מלוי ברבית יותר ממה שמרויחין מפסידין ולא עוד אלא שמשימין משה רבינו חכם ותורתו אמת ואומרים אילו היה יודע משה רבינו שהיה ריוח בדבר לא היה כותבו . כי אתא רב דימי אמר מנין לנושה בחברו מנה ויודע שאין

הללו מהני נטין ועולין והללו כו' . והכי משמע קרא עושה אלה לא ימוטו לעולם כלומר ואם ימוטו אין מוטתו מוטת עולם אבל הנותן בנשך ימוט לעולם :
צדיק גמור אינו בולע . ואע"פ שמתמוטט עולה ואינו נבלע לעולם :
תקיף . כופה : גוהרקא . עגלה מוכנת למרכבת אדם ובלשון אשכנז רייטוואגע"ן : בהם תעבודו . וכאן היכא נמי תעבודו :
מפסידין . כדאמרינן בפרקין מתמוטטין לעולם : משה חכם . ליכא מעליא נקט : לא

רבי אלעזר גיזאגט דיא וואס פאר בארגין ניט אויף פראצענט אויב זייא פארלירען זייער פארמעגין ווערין זייא צוריק רייך . אונ דיא וואס פאר בארגין אויף פראצענט פאר לירען זייער פארמעגין אונ ווערין ניט צוריק רייך . אין פסוק שטייט חבקוק הנביא האט גיזאגט פאר גאט פאר וואס קוקסטו אויף דיא פארשעע מענטשין דוא שווייגסט אז דער רשע שלינגט איין דעם וואס ער איז פרימער פאר אים האט רב הונא גיזאגט דער רשע קען נאר איין שלינגען דעם וואס ער איז פרימער פאר אים . אבער דעם אמת'ן צדיק קען ער ניט איין שלינגען :

ט רב סעורם דער ברודער פון רבא פלעגט האפין מענטשין וואס זענען ניט גוט ניט פרום אונ פלעגט זייא איינשפאנען אין דעם רייטוואגין פון רבא . האט רבא גיזאגט צוא זיין ברודער דוא טוהסט גוט . ווארום מיר האבען גילערונט אז דוא זעהסט אמענטש וואס פירט זיך ניט וויא איוד דארף זיך פירען . פון וואנען ווייסין מיר אז דוא מעגסט ארבעטין מיט אים . שטייט אין פסוק אייביג זאלט איר דינען מי זייא אונ מיט אייערע ברידער . איר זאלט ארבעטין מיט דיא גוישע קנעכט אונ מיט אייערע ברידער אויך . איך וואלט מיינען אפילו דער יוד וואס פירט זיך וויא איוד דארף זיך פירען מעג מען אויך מיט אים ארבעטין . שטייט אין פסוק מיט אייערע ברידער דיא יודין איין ברודער מיט דעם אנדערין זאל ניט שווער ארבעטין :

י תניא . מיר האבען גילערונט רבי שמעון בן יוחי זאגט למשל אז ראובן מאנט בייא שמעון הונדערט גילדין . אונ ביז איצט פלעגט שמעון ניט זאגין צו ראובן פריער גוט מארגין . נאר אז ראובן האט צו שמעון גזאגט גוט מארגין . האט שמעון אים גיענטפערט צוריק גוט מארגין אדער גוט יאהר . אונ היינט אז שמעון האט גיבארגט געלט בייא ראובן . וויל שמעון איהם זאגין פריער גוט מארגין . פון וואנען ווייסין מיר אז דאס טאר מען ניט . שטייט אין פסוק נשך כל דבר אשר ישך . דו זאלסט ניט נעמען קיין בייסונג . אלע רייד פון בייסונג זאלסטו ניט נעמען , אפילו פראצענט פון רייד טאר מען אויך ניט נעמען .

יא תניא . מיר האבען גילערונט רבי שמעון זאגט דיא מענטשין וואס פאר בארגין געלט אויף פראצענט . האבען שאדין מער וויא זייא פאר דינען . אונ נאך מער זייא מאכין משה רבינו פאר אנאר . אונ זיין תורה פאר אליגען . זייא זאגין ווען משה רבינו וואלט וויסען אז עס איז אפאר דינסט פון דעם פראצענט . וואלט ער גאר ניט געשריבען אז מען טאר ניט . אז רב

תהיה לו כנושה. לא תהא בעיניו כנוש' בו שירא' ויבוש: לראשנו. ל' נושה כדמתרג' כרשיא הרי אנו באים באש ובמים: עובר משום לפני עור. שעולה על רוחו של לוה לכפור: קללה. כשתובעו וזה כופר הכל מקללין אותו ואומרים שהוא דובר על צדיק עתק: ומשתלי. ישכח כל אתי ואגרום קללה לעצמי: צ' עקים. בב"ד של מטה: ואין נענין. שהרי הם גרמו לעצמן: קונה אדון לעצמו. מפרש לקמן: תולה מעותיו בנכרי. אמר מעות שאני משתמש בהן של פלוני

שאין לו שאסור לעבור לפניו ת"ל (שמות כב) לא תהיה לו כנושה ר' אמי ור' אסי דאמרי תרוייהו כאילו דנו בשני דינין שנאמר (תהלים סו) הרכבת אנוש לראשנו באנו באש ובמים. אמר רב יהודה אמר רב כל מי שיש לו מעות ומלוה אותם שלא בעדים עובר משום (ויקרא יט) ולפני עור לא תתן מכשול וריש לקיש אמר גורם קללה לעצמו שנא' (תהלים לא) תאלמנה שפתי שקר הדוברות על צדיק עתק אמרי ליה רבנן לרב אשי קא מקיים רבינא כל מה דאמור רבנן שלח ליה בהדי פניא דמעלי שבתא לישדר לי מר עשרה זוזי דאתרמי לי קטינא דארעא למזבן שלח ליה ניתי מר סהדי ונכתב כתבא שלח ליה אפילו אנא נמי שלח ליה כ"ש מר דטריד בגירסא ומשתלי וגורם קללה לעצמו. ת"ר ג' צועקים ואינם נענים ואלו הן מי שיש לו מעות ומלוה אותם שלא בעדים. והקונה אדון לעצמו. ומי שאשתו מושלת עליו. הקונה אדון לעצמו מאי היא א"ד תולה נכסיו בנכרי א"נ הכותב נכסיו

דימי איז גיקומען פון ארץ ישראל האט ער גזאגט פון וואנען ווייסין מיר אז איינער מאנט בייא זיין חבר הונדערט גילדין אונ ער ווייסט אז דער חבר האט ניט צו בצאהלין. אז ער טאר ניט גיין פאר בייא זיין חבר. ווארום דער חבר וועט פארשעמט ווערין. שטייט אין פסוק דו זאלכט ניט זיין צו אים אזוי וויא אמאנער. אז דו וועסט גיין פאר בייא אים וועט ער מיינען דו מאנסט אים. רבי אמי אונ רבי אסי זאגין ביידע עס איז גלייך וויא ער וואלט אים געמשפט מיט צווייא דינים. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דו האסט גימאכט רייטין אמענטשין ודו האסט גרוים גימאכט אמענטשין ער זאל אונז מאנען. ווענען מיר גיקומען אין פייער אונ אין וואסער. רב יהודה האט גיזאגט פון רבס וועגין דער וואס האט געלט אונ ער פאר בארגט זייא אן עדות. איז ער עובר אויף אלאו פאר אבלינדין זאלסטו ניט געבין אשטרויכלונג. ווארום ער האט גיבראכט דער צו אז דער לוה זאל לייקענען דאס געלט: אונ ריש לקיש זאגט דער מלוה ברייננט נאך אויף זיך קללות. ווארום אז ער מאנט בייא זיין חבר דאס געלט. אונ דער חבר לייקונט. וועלין אנדערע זאגין אז דער חבר האט טאקי ניט גיבארגט. אונ ער מאנט אומזיסט. וועט מען אים פלוכין מיט קללות. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק עס זאלין פאר שטומט ווערין דיא פאלשע לעפצין, וואס זייא ריידין אויף דעם צדיק שטארקע רייד. דא וועט מען אויך זאגין. דער לוה איז אצדיק. ער האט גאר ניט גיבארגט. אונ דער מלוה איז ארשע ער מאנט אומזיסט. וועט מען אים פלוכין. דיא רבנן האבען גזאגט צו רב אשי רבינא איז מקיים אלץ וואס דיא רבנן זאגין. אמאהל האט גיטראפין ערב שבת פארין נאכט האט רב אשי געשיקט צו רבינא ער זאל אים בארגין צעהן גילדין. עס האט זיך מיר גיטראפין צו קויפין אשטיקול פעלד פעלט מיר צו צעהן גילדין. האט רבינא געשיקט צוא רב אשי ברייננג עדות אונ שרייב אוועקסיל וועל איך דיר בארגין. האט רב אשי געשיקט צוא רבינא אפילו איך דארף אויך האבען עדות מיט אוועקסיל. האט רבינא געשיקט צוא רב אשי דוא דארפסט געוויס האבען עדות מיט אוועקסיל. ווייל דוא ביסט שטענדיג פאר נומען מיט דיין לערנען וועסטו פאר געסין. אונ אז איך וועל דיך מאנען אונ דוא וועסט זאגין מיר קומט ניט. וועט מען מיך פלוכין איך מאן דיך אומזיסט. דיא רבנן האבען גילערנט דריי שרייען צוא בית דין: אונ בית דין ענפערין זייא ניט. ווייל זייא האבען אליין גיבראכט אויף זיך דיא שלעכץ. דאס זענען דיא דרייא. דער וואס האט געלט אונ ער פאר בארגט זייא אן עדות. דער נאך אז דער לוה לייקונט. ווס קען אים בית דין העלפין. אונ דער וואס קויפט אבעל הבית אויף זיך. אונ דער וואס זיין ווייב גיוועלטיגט אויף אים. זאגט דיא גמרא וואס מיינט מען ער האט גיקויפט אבעל הבית אויף זיך. אנדערע

נכרי הם שלא שתשביע את עצמו ופעמים שהנכרי שומע ומעמיד עדים ותובעו בדיניהם : דאתי למחשדיה לבעה"ב בנודר ואינו מקיים שמעו עליו שאמר ליקח טלית לפלוני עני ולא קנה לו] :

נכסיו לבניו בחיין א"ר דביש ליה בהא מתא ולא אזיל למתא אחריתי :

האומנין פרק ששי

(דף עח) א [משנה השוכר את החמור להוליכה בהר והוליכה בבקעה וכו' ומתה חייב

ואמרי בגמ' הא מני רבי מאיר היא דאמר כל המעביר על דעתו של בעל הבית (ע"כ) נקרא גזלן ואמרי בגמ' הי ר"מ וכו' אלא הא ר' מאיר דתניא] ר"ש בן אלעזר אומר משום ר"מ הנותן דינר לעני ליקח לו הלוק לא יקח בו טלית טלית לא יקח בו חלוק מפני שמעביר על דעתו של בעה"ב ודלמא שאני התם דאתי למיחשדי' דאמרי אינשי אמר פלניא זבנינא ליה לבושא לפלוני עניא ולא זבן ליה א"נ זבנינא ליה גלימא ולא זבן ליה

ואגין דער מענטש פרעגט אלין זאגין אז זיין פאר מעגין גיהער צו דעם גוי ווייל ער האט ניט גיוואלט ווייזין אז ער איז רייך] . דער חייל האט מען דאס דער ציילט דעם גוי . איז דער גוי גיקומען מיט עדות אונ האט צוא גינומען דעם מענטשינס פאר מעגין . וואס קען איצט דער מענטש שרייען . אנדערע זאגין דער וואס שרייבט אפ זיין פאר מעגין צוא זיינע קינדער ווען ער לעבט נאך . דיא קינדער וועלין צוא נעמען דאס פאר מעגין אונ ער וועט בלייבין אארעם מאן . וואס קען איצט דער מענטש שרייען . אנדערע זאגין אז איינעם איז שלעכט אין די שטאט אונ ער גייט ניט אין איין אנדער שטאט :

פרק ששי

א משנה ; השוכר . אז איינער הט גדונגען אאייזיל ער זאל מיט אים פארין אויף אבארג . אונ ער איז מיט אים גיפארין אין אטאהל . אונ דער אייזיל איז גיפייגערט דארף ער בצאהלין . זאגט די גמרא די משנה איז גילערנט גיהארין אזוי ווי רבי מאיר . וואס ער זאגט דער וואס טוהט אנדערש וויא דער בעל הבית האט אים גיהייסען . הייסט ער אגזלן . זאגט דיא גמרא וואו האט דאס רבי מאיר גזאגט . ווארום מיר האבען גילערנט רבי שמעון בן אלעזר האט גזאגט פון רבי מאירס וועגין אז איינער גיט אגילדין צוא אארעם מאן ער זאל קויפען פאר דעם גילדין אהעמד . זאל ער ניט קויפען פאר דעם גילדין אקלייד . אונ אז ער האט גזאגט צום ארעם מאן ער זאל קויפען פאר דעם גילדין אקלייד טאר ער ניט ענדערין זיינע רייד אונ קויפען פאר דעם גילדין אהעמד . ווייל ער טאר ניט אנדערש טאהן נאר וויא דער בעל הבית הייסט אים . זעהן מיר אז רבי מאיר האלט מען טאר ניט טאהן אנדערש וויא דער בעל הבית הייסט . פרעגט דיא גמרא טאמער איז דארט אאנדער טעם וואס דער ארעם מאן טאר ניט ענדערין וויא דער בעל הבית זאגט אים . ווייל מען וועט דעם בעל הבית חושד זיין ער האט ניט מקיים גיוועזען דעם נדר . למשל מען האט גיהערט דער בעל הבית האט גזאגט ער וועט קויפען פאר דעם ארעם מאן אקלייד (וואס הייסט לבושא . [אאובער קלייד] . אונ דער בעל הבית האט טאקי גיגעבין דעם ארעם מאן געלט ער זאל קויפען אאובער קלייד] אונ דער ארעם מאן האט גיקויפט פאר דעם געלט אהעמד . אז מענטשין וועלין זעהן דער ארעם מאן האט נ ט קיין קלייד . וועלין זייא זאגין דער בעל הבית האט גזאגט איך וועל קויפען אקלייד פאר יענעם ארעם מאן אונ ער הט ניט גקויפט . אונ זייא וועלין ניט וויסען אז ער האט מקיים גיוועזען זיין נדר אונ ער האט טאקי גיגעבין געלט צום ארעם מאן אויף אקלייד נאר דער ארעם מאן האט ניט גיקויפט . אדער דער בעל הבית האט גזאגט צום ארעם מאן ער וועט קויפען פאר אים אקלייד (וואס הייסט גלימא . אקאפאטע) . אונ דער בעל הבית האט טאקי גיגעבין דעם ארעם מאן געלט ער זאל קויפען אקאפאטע . אונ דער ארעם מאן האט גיקויפט פר דעם געלט איין אנדער מלבוש , אז מענטשין וועלין זעהן דעם ארעם

אם כן ליתני מפני החשד מאי מפני שמעביר על דעתו של בעה"ב ש"מ משום דשני הוא וכל המעביר על דעת בעה"ב נקרא גזלן :

ב [פיסקא] השוכר את החמור והבריקה או שנעשית אנגריא אומר לו וכו'. מאי והבריקה הכא תרגימו נהוריתא רבא אמר אבזקת ההוא דא"ל אבזקת במלתא דמלכא א"ל במאי בטלי כסף או בטלי דהב א"ד בטלי כסף אמר וקטלוהו א"ר בטלי דהב אמר ושבקוהו :

נהוריתא. מולייר"א בלע"ז היוצא בשחור העין : אבזקת. הרועים שתליעו רגליה : אבזקת במלתא דמלכא. להיות עם שאוכל סריסים של אוצר המלך : בטלי כסף. כלי פשתן : בטלי דהב. כלי צמר צבועים אדום : וקטלוהו שאין עם אוכל כלי פשתן :

ואשה בין גדולה בין קטנה. שכן לרכוב עליה אשה מרכיב עליה כל אשה שירצה בין שהיא גדולה בין שהיא קטנה: שהיא מניקה. שהיא ב' גופים והולד כבד אמרת הרכב עם ולדה : מעוברת. דחד גופה היא

(דף פט ע"ב) ב ת"ר השוכר את החמור לרכוב עליה איש לא תרכוב עליה אשה אשה רוכב עליה איש ואשה בין גדולה ובין קטנה אפילו מעוברת ואפילו מניקה השתא מניקה אמרת מעוברת מבעיא . אמר רב פפא מעוברת והיא מניקה קאמר

מאן האט ניט קיין קאפאטע . ווערין זייא זאגין דער בעל הבית האט ניט מקיים געווען זיין נדר . אונ אין אמת האט דער בעל הבית זיין נדר מקיים גיוועזן . ער האט דעם ארעם מאן גיגעבין געלט אויף אקאפאטע . נאר דער ארעם מאן האט ניט גיקויפט . דריבער טאר ניט דער ארעם מאן קויפען פאר דעם געלט נאר וואס דער בעל הבית הייסט אים . אבער איין אנדערער מעג יא ענדערין דיא רייד פון בעל הבית . ענטפערט דיא גמרא אויב דער טעם איז ביי דעם ארעם מאן מען זאל ניט חושד זיין דעם בעל הבית . זאל באלד דיא גמרא זאגין דריבער זאל דער ארעם מאן קויפען וואס דער בעל הבית הייסט אים מען זאל ניט חושד זיין דעם בעל הבית . פאר וואס זאגט דיא גמרא דעם טעם ער זאל ניט ענדערין דיא רייד פון בעל הבית . גיוויס מיינט מען ניט ווייל מען וועט חושד זיין דעם בעל הבית . נאר אן חושד זיין טאר מען אויך ניט ענדערין דיא רייד פון בעל הבית . ווארום ווער עס ענדערט דיא רייד פון בעל הבית הייסט ער אגזלן :

ב פיסקא . השוכר . אז איינער האט גידונגען אאייזיל והבריקה . אדער מען האט גינומען דעם אייזיל צוא דיא ארבעט פון מלך : פרעגט דיא גמרא וואס מיינט מען והבריקה . דא אין בבל זאגט מען והבריקה איז דער טייטש זיא איז בלינד גיווארין . זיא האט בעקומען אפעלער אויף דיא שווארציל פון אויג . רבא זאגט והבריקה מיינט מען אבזקת . ווערעם האבען צוא געסין די פיס פון דעם אייזיל . איינער האט אמאהל גזאגט אבזקת במלתא דמלכא . איך האב גיזעהן ווערעם האבען צוא געסין דיא קליידער פון מלך . האט מען בייא אים גיפרעגט וועלכע קליידער . דיא ליינוואנדענע קליידער וואס זייא גלאנצין וויא זילבער . אדער דיא וואלענע קליידער וואס זייא זענען גיפארבט וויא גאלד . אנדערע זאגין ער האט גזאגט דיא ליינוואנדענע קליידער האבען דיא ווערעם צוא געסין . האט מען אים גיהרגעט . ווייל ער האט גזאגט ליגען . ווערים עסין ניט קיין ליינוואנד . אנדערע זאגין ער האט גיזאגט דיא וואלענע קליידער האבען דיא ווערעם צוא געסין : האט מען איהם אוועק גילאזט . ווייל עס קען זיין עס איז אמת . ווארום ווערעם עסין וואל :

ג תנו רבנן . דיא רבנן האבען גילערנט אז איינער דינגט אאייזיל אויף אים זאל רייטען אזכר , טאר ניט רייטין אויף אים אאשה . אונ אז ער האט גידונגען דעם אייזיל אויף אים זאל רייטען אאשה . מעג אזכר אויך רייטין אויף אים . אונ אז ער האט גידונגען דעם אייזיל אויף אים זאל רייטען אאשה . מעגין רייטין אויף אים אלע ערליי ווייבער . אגרויסע אונ אקליינע אפילו אמעוברתה . אונ אפילו אאשה וואס זייגט אקינד מעג זיא רייטען אויף דעם אייזיל מיט דעם קינד . פרעגט דיא גמרא אז דוא זאגסט אאשה . וואס זייגט אקינד מעג זיא רייטען אויף דעם

קאמר אמר אביי ש"מ בניתא אכריסה תקלא למאי נ"מ למקח וממכר :

(דף פג) ג רבה בר בר חנה תברי ליה הנהו שקולאי חביתא דחמרא שקל לגלימייהו אתו אמרו לרב א"ל הב להו גלימייהו א"ל דינא הכי א"ל אין (משלי ב) למען תלך בדרך טובים יהיב להו גלימייהו אמרי ליה עניי אנן וטרחינן כולי יומא וכפינן ולית לן מידי אמר ליה זיל הב׳ להו אגרייהו אמר ליה דינא הכי א"ל אין (שם) וארחות צדיקים תשמור :

יבעיה : ש"מ . מדקתני אפי׳ מעוברת דמשמע שמעוברת כבדה מן הריקנית : אחי בניתא. דג הנמכר בשוק במשקל : אכריסה תקלא לפי כריסה כובדה אם כריסה גדול משקלה יותר: למקח וממכר. אם ראית דג שכריסו גדול אל תקנהו במשקל אלא א"כ יוציא את מעיו :

שקולאי . נושאי משאות : תברי ליה . שלא במקום מדרון ונפשיעה : בדרך טובים לפנים משורת הדין : וארחות צדיקים תשמור . כיפיה דקרא הוא :

אלו רשעים שבו . שמניחין להם יכולת להלך ברשעתם ואין נפרעין מהם : תזרח השמש לעוה"ב :

הפועלים פרק שביעי

(ע"ב) א דרש רבי זירא ואמרי לה תנא רב יוסף מ"ד (תהלים קד) תשת חשך ויהי לילה בו תרמוש כל חיתו יער תשת חשך ויהי לילה זה העולם הזה שדומה ללילה בו תרמוש כל חיתו יער אלו רשעים שבו שדומין לחיות שביער תזרח השמש יאספון

אֵייזִיל מִיט דֶעם קִינְד וָואס דָאס זֶענֶען צְווֵיי מֶענְטְשִׁין . וְוייסֶען מִיר שׁוֹין אַזֵיין אַז אַמְעוּבֶּרֶהֶה מֶעג גְעוָוים רַייטֶען אוֹיף דֶעם אֵייזִיל . צוּא וָואס דֶער צֵיילְט דְ׳ א גְמָרָא אַז אַמְעוּבֶּרֶהֶע מֶעג רַייטִין אוֹיף דֶעם אֵייזִיל . הָאט רַב פָּפָּא גְזָאגְט דִיא גְמָרָא מֵיינְט אַז זִיא אִיז מְעוּבֶּרֶת אוּנ זֵייגְט אוֹיךְ . מֶעג זִיא רַייטֶען אוֹיף דֶעם אֵייזִיל מִיט דֶעם קִינְד . אַבַּיֵי זָאגְט וַוייל דִיא גְמָרָא לֶערוּנְט אֲפִילוּ אַמְעוּבֶּרֶתֶע מֶעג אוֹיךְ רַייטֶען אוֹיף דֶעם אֵייזִיל . וֶועהְן מִיר אַז אַמְעוּבֶּרֶתֶע אִשָּׁה אִיז שְׁוֶוערֶער וִוִיא אַלֵיידִיגֶע . וְוייסֶען מִיר אַז אַפִּישׁ וֶועגט נָאךְ דֶעם בּוֹיךְ . אַז עֶר הָאט אַגְרוֹיסֶען בּוֹיךְ וֶועגְט עֶר שְׁוֶוערֶער . דָאס דַארְף מֶען וִויסֶען גֶעגִין קוֹיפֶען . אַז מֶען קוֹיפְט פִישׁ זָאל מֶען נִיט קוֹיפֶען אַפִישׁ מִיט אַגְרוֹיסֶען בּוֹיךְ . וַוייל דִיא קִישְׁקֶעס וֶועגִין פִיל :

ד רַבָּה בַּר בַּר חָנָה הָאט גִידוּנְגֶען טְרֶעגֶערְס זֵי א זָאלִין טְרָאגִין פֶעסֶער וַויין . הָאבֶּען דִיא טְרֶעגֶערְס צוּא בְּרָאכֶען אַפַּאס וויין . הָאט רַבָּה צוּא גִינוּמֶען זֵייעֶרֶע קְלֵיידֶער זִייא זָאלִין אִים בֵּצָאלִין פַאר דִיא פַאס וַויין . זֶענֶען דִיא טְרֶעגֶערְס גִיקוּמֶען צוּא רַב אוּנ הָאבֶּען אִים דֶער צֵיילְט . הָט רַב גְזָאגְט צוּ רַבָּה גִיבּ זִייא זֵייעֶרֶע קְלֵיידֶער . הָאט רַבָּה גְזָאגְט צוּ רַב אִיז דֶער דִין אַזוֹי . הָט רַב גְזָאגְט צוּא רַבָּה יָא אַזוֹי דַארְף זַיין . דוּא זָאלְסְט גֵיין אִין גוּטֶען וֶועג . אֲפִילוּ עֶס קוּמְט זִייא זָאלִין בַּצְא לִין פוּן רֶעכְטְוֶועגִין זָאלְסְטוּ זִייא שֵׁייְנְקֶען . הָאט רַבָּה זִייא אַוֶועק גִיגֶעבִּין זֵייעֶרֶע קְלֵיידֶער . הָאבֶּעְן דִיא טְרֶעיֶערְס גְזָאגְט צוּ רַב מִיר זֶענֶען אָרֶעמֶע לַייט אוּנ מִיר הָאבֶּען גִיאַרְבֶּעט אַגַאנְצִין טָאג אוּנ מִיר זֶענֶען הוּנְגֶערִיג אוּנ מִיר הָאבֶּען נִיט וָואס צוּא עֶסִין . הָאט רַב גְזָאגְט צוּא רַבָּה גֵייא בַּצָאהל זִייא פַאר זֵייעֶר אַרְבֶּעט . הָאט רַבָּה גְזָאגְט צוּא רַב אִיז דֶער דִין אַזוֹי אַז אִיךְ זָאל זִייא בַּצָאהלִין . הָאט רַב גְזָאגְט יָא דוּא דַארְפְסְט זִייא בַּצָאהלִין . וַוייל דוּא דַארְפְסְט הִיטֶען דִי וֶועג פוּן דִיא צַדִיקִים :

פרק שביעי

א דַרַשׁ . רֶבִּי זֵירָא הָאט גִידַרְשְׁעֶת אַנְדֶערֶע זָאגִין רַב יוֹסֵף הָאט דָאס גִילֶערוּנְט . עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק דוּ הָאסְט גִימַאכְט פִינְסְטֶערְנִיס זָאל זַיין בַּייא נַאכְט . בַּייא נַאכְט קְרִיכֶען אַרוּם אַלֶע חַיוֹת אִין וַואלְד . דוּ הָאסְט גִיטָאן פִינְסְטֶערְנִיס זָאל זַיין בַּייא נַאכְט . דָאס מֵיינְט מֶען דִיא וֶועלְט וָואס זִיא אִיז גְלַייךְ צוּ נַאכְט . קְרִיכֶען אַרוּם אַלֶע חַיוֹת אִין וַואלְד . דָאס מֵיינְט מֶען דִיא רְשָׁעִים וָואס זֶענֶען אוֹיף דֶער וֶועלְט . וָואס זִייא זֶענֶען גְלַייךְ צוּא דִיא חַיוֹת וָואס אִין וַואלְד . אַז דִיא זוּהְן הֵייבְּט אָן צוּא שַׁיינֶען וֶועִין זִייא פַאר זַאמוּלְט . אוּנ זִייא גֵייעֶן זִיךְ לֵייגִין אִין זֵייעֶרֶע

ויאספון ואל מעונותם ירבצון תזרח השמש לצדיקים ויאספון רשעים לגיהנם ואל מעונותם ירבצון אין לך כל צדיק וצדיק שאין לו מדור לפי כבודו יצא אדם לפעלו יצאו צדיקים לקבל שכרן ולעבודתו עדי ערב במי שהשלים עבודתו עדי ערב:

ב רבי אלעזר ברבי שמעון אשכח להה ההוא פרהגונא דקא תפיס גנבי א"ל היכי יכלית להו לאו בחיותא מתילי דכתיב בהו בו תרמוש כל חיתו יער א"ד מהאי קרא קאמר ליה (תהלים י) יארוב במסתר כאריה בסכה דלמא שקלת צדיקי ושבקת רשעי א"ל מאי איעביד הורמנא דמלכא הוא א"ל תא אגמרך היכי תעביד עול בארבע שעי לחנותא כי חזית איניש דקא שתי חמרא וקא נקיט כסא בידיה וקא מנמנם שאיל עילויה אי צורבא מרבנן הוא וניים אקדומי קדים לגירסיה, אי פועל הוא קדים קא עביד עבידתיה אי עבידתי' בליליא רדודי רדיד ואי לא גנבא הוא ותפסיה אשתמע

ואל מעונותם ירבצון. הצדיקים: עדי ערב. עד יום מותם:
פרהגונא. ממונה של מלך: תפיס גנבי. רודף אחריהם ותופסן: היכי יכלת להו. להבין תחבולתם: לאו כחיותא מתילי. והרי לא כחיות נמשלו שמתחבאות ביום במסתריהם: דלמא. הני דשקלת צדיקי נינהו: הורמנא דמלכא הוא. מצות המלך היא: בארבע שעי. שהיא שעת סעודה והכל נכנסים בחנויות: ושועדין: אקדומיה אקדים לגירסיה. השכים בעוד לילה ולכך הוא מנמנם: ואי פועל הוא. שכיר יום: ואי עבידתיה בליליא. אומן שמלאכתו בלילה: רדודי רדיד. תרגום וירקעו את פחי ורדידו מושך חוטי נחשת וברזל לעשות מחטים ואומנותו בלילה לפי שמושכין בכלי אומנותו שמנוקב בנקבים דקים זה דק מזה ואין קולו נשמע בלילה ואפי' לא נשמע קול פטיש בביתו באותו לילה אין לך לתופסו על כך דילמא רדודי רדיד: גנבא הוא. ולכך הוא ישן שניעור בלילה לארוב עוברי דרכים או לחתור

וואהנונגען. דיא זוהן וועט אויף שיינען צו דיא צדיקים. אונ דיא רשעים וועלין ווערין פארזאמולט אין גיהנם. אין זייערע וואהנונגען וועלין זייא ליגען. יעדער צדיק האט אוואהנונג אין גן עדן נאך זיין כבוד. דער מענטש גייט ארויס צו זיין ארבעט: דיא צדיקים וועלין ארויס גיין נעמען שכר פאר זייער תורה אונ מצות. צו זיין ארבעט גייט ער ביז נאכט דאס מיינט מען דעם צדיק וואס האט אויס גיקאזין זיין ארבעט ביז נאכט. ער האט גילערונט תורה אונ האט געהיט מצות ביז ער איז גישטארבין:

ב רבי אלעזר ברבי שמעון האט אמאהל גיטראפין א יענעם פון דיא פאליציי וואס ער זוכט גנבים אונ חאפט זייא. האט רבי אלעזר גיזאגט צו דעם שר וויא אזוי קענסטו חאפין דיא גנבים: זייא זענען דאך גלייך צוא דיא חיות ביי טאג זענען זייא בעהאלטין. אונ ביי נאכט טוהן זייא אויך זייערע זאכין מיט גרוים חכמה. אזוי וויא דער פסוק זאגט אויף זייא ביי נאכט קריכען ארום אלע חיות אין וואלד. דאס מיינט מען דיא רשעים קריכען ארום אויף דער וועלט אזוי וויא חיות. אנדערע זאגין פון דעם פסוק האט רבי אלעזר גיזאגט צום שר דער רשע לאקערט אין פאר בארגעניש אזוי וויא דער לייב ליגט אין זיין ביידיל אונ לאקערט צוא פאנגען. טאמער דיא וואס דו חאפסט זענען צדיקים. אונ דיא רשעים לאזטו ארום גיין. האט דער שר גיזאגט צו רבי אלעזר וואס קען איך טאהן דאס איז אגיבאט פון קיסר אויף מיר אז איך מיז חאפין דיא גנבים. האט רבי אלעזר גיזאגט צום שר קום איך וועל דיך לערנען וויא דוא זאלסט טאהן. אז עס וועט קומען דיא פערטע שעה אויפין טאג זאלסטו אריין גיין אין דיא שינקען וואו מען פארקויפט עסין אונ טרינקען. אז דוא וועסט זעהן אמענטש זיצט אונ טרינקט וויין. אונ ער האלט דיא גלאז וויין אין האנט אונ שלאפט. זאלסטו פרעגין אויף אים ווער ער איז. אויב ער איז אלמדן אונ שלאפט. איז ער געווים גישטאנען גאנץ פריא לערנען. שלעפערט אים איצט. אויב ער א זאארבעטער איז ער געווים אויף גיע טאנען גאנץ פריא צוא זיין ארבעט. אויב זיין ארבעט איז ביי נאכט; האט ער געווים גיארבעט אגאנצע נאכט. שלעפערט אים איצט. אויב ער איז ניט אלמדן אונ ניט אארבעטער. איז ער געווים אגנב. דריבער איז ער אויף גיוועזן אגאנצע נאכט מעגסטו אים חאפין. דיא עצה פון רבי אלעזר איז גיהערט גיווארין ביי דעם מלך. האט מען

כתים : קריינא דא: כתא . משל הוא: פרוונקא. שליה: חומץ בן יין . רשע בן צדיק : יבא בעל הכרם . הקב"ה כי כרם ה' צבאות בית ישראל : ויכלה . ויטול את קוציו של כרם : קרי עליה . על הכובס : וקפוהו הגאוהו : קס. רבי אלעזר : תותי זקי א . ההוא פעך : על נערה המאורסה . שהיא בסקילה וכל הנסקלין נתלין : ודאות שלכם . מקום שים

אשתמע מלתא בי מלכא אמרו קריינא דאגרתא איהו ליהוי פרוונקא אתיוה לרבי אלעזר ברבי שמעון וקא תפים גנבי ואזיל שלח ליה ר' יהושע בן קרחא חומץ בן יין עד מתי אתה מוסר עמו של אלהינו להריגה שלח ליה קוצים אני מכלה מן הכרם . שלח ליה יבא בעל הכרם ויכלה את קוציו . יומא חד פגע בו ההוא כובס קרייה חומץ בן יין אמר מדחציף כולי האי ש"מ רשיעא הוא אמר להו תפסוהו ותפסוהו לבתר דנח דעתיה אזל בתרייהו לפרוקיה ולא מצי קרי עליה (משלי כא) שומר פיו ולשונו שומר מצרת נפשו זקפוהו כם תותי זקיפא וקא בכי א"לרבי אל ירע בעיניך שהוא ובנו בעלו נערה מאורסה ביום הכפורים הניח ידו על בני מעיו ואמר שישו בני מעי שישו ומה ספקות שלכם כך ודאות שלכם עאכ"ו מובטח אני בכם שאין רמה ותולעה שולטת בכם ואפ"ה לא מייתבא דעתיה אשקייה סמא דשינתא ועיילוה לביתא דשישא וקרע לכ יסיה הוו מפקי מיניה דיקולי

גיזאגט דער וואס קען לייענען דעם בריף . דער זאל זיין דער שליח אוועק צו טראגין דעם בריף . דאס איז אמשל אויף רבי אלעזר . ווייל רבי אלעזר ווייס דיא עצה וויא אזוי צו חאפין גנבים . זאל ער זייא גיין חאפין . האט מען גיבראכט רבי אלעזר ברבי שמעון פאר דעם מלך אונ מען האט אויף אים גיבאטין ער זאל חאפין דיא גנבים . אונ ער פלעגט זייא חאפין . האט רבי יהושע בן קרחה געשיקט צוא רבי אלעזר דוא ביסט עסיג דער זוהן פון ויין . דוא ביסט ארשע דער זוהן פון אצדיק . ביז וויא לאנג וועסטו איבער געבין דיא פאלק פון אונזער גאט צום הרגנן . האט רבי אלעזר געשיקט צוא רבי יהושע איך נעם ארויס דיא דערנער פון ווין גארטין . איך נעם ארויס דיא רשעים פון דיא יודין . האט רבי יהושע געשיקט צוא רבי אלעזר זאל קומען דער בעל הבית פון דעם ווין גארטין אונ ער זאל ארויס נעמען זיינע דערנער . זאל גאט אליין ארויס נעמען דיא רשעים . אמאהל האט א וועשער בגעגינט רבי אלעזר בן שמעון . האט דער וועשער גירופין אויף רבי אלעזר דו ביסט עסיג דער זוהן פון ויין . האט רבי אלעזר גיזאגט ווייל ער איז אזוי אעזות פנים . געווים איז ער ארשע . האט רבי אלעזר גיזאגט צו זיינע מענטשין חאפט אים . האבין זייא אים גיחאפט . דער נאך ווי א עס איז געשטילט גיווארין דער כעס פון רבי אלעזר אויף דעם וועשער . איז ער געגאנגען נאך זיינע מענטשין אונ האט זייא גיבעטין זייא זאלין אים אפ לאזין . אונ זייא האבען אים ניט גיוואלט אפ לאזין . האט רבי אלעזר גילייענט דעם פסוק אויף דעם וועשער . דער וואס היט זיין מויל אונ זיין צונג ווער זאל ניט רעדין וואס מען דארף ניט) היט ער זיין לייב פון צרות . אונ דעם וועשער האט מען אויף גיהאנגען . איז רבי אלעזר גישטאנען אונטער דעם גיהאנגענעם אונ האט גיוויינט . האבען מענטשין גיזאגט צו רבי אלעזר זאלסט דיך ניט מצער זיין אויף דעם וועשער וואס מען האט אים גיהאנגען . ווארום ער מיט זיין זוהן האבען מזנה גיוועזן אום יום כפור מיט אמיידיל וואס אחתן האט איר מקדש גיוועזן . האט רבי אלעזר גילייגט זיינע הענט אויף זיין בויך אונ האט גזאגט פרייט אייך מיינע גידערים איר זאלט אייך פרייען . מאראך אויף דיא מענטשין וואס אייך איז גיוועזן אספק אויב זייא זענען רשעים : איז דער וואסט גיווארין אז זייא זענען רשעים . ווא אייך איז נאנט צוא געווים אז זייא זענען רשעים . איז טאקי געווים אז זייא זענען רשעים . איך בין פאר זיכערט אויף אייך מיינע גידערים אז דיא ווערעם פון קבר וועלין אויף אייך ניט גיוועלטיגען . זאגט דיא גמרא פון דעסטוועגין איז רבי אלעזר ניט בערוהיגט גיוועזן . טאמער האט מען דורך אים גיהרגעת ערליכע מענטשין אויך . האט מען אים גיגעבין טרינקען אשלאף טרונק . אונ מען האט אים אריין גינומען אין אשטוב פון מארמער שטיין אונ מען האט אויף גישפאלטין זיין בויך אונ מען האט ארויס גינומען פון זיין בויך קערב פול מיט פעטס . אונ מען האט דיא פעטס

ריקולי דיקולי דתרבא ומותבי בשמשא בתמוז ובאב ולא מסריה כל תרבי נמי לא סריח כל תרבי לא סריח שורייקי סומקי מסריח הכא אף ע"ג דאיכא שורייקי סומקי לא מסריח קרי אנפשיה (תהלים טז) אף בשרי ישכון לבטח ואף רבי ישמעאל בר' יוסי מטא (דף פד) בי האי מעשה לידיה פגע ביה אליהו א"ל עד מתי אתה מוסר עמו של אלהינו להריגה אמר ליה מאי איעביד הורמנא דמלכא הוא א"ל אביך ערק לאסיא את ערק ללודקיא :

ג כי הוו מקלעי רבי ישמעאל ברבי יוסי ורבי אלעזר ברבי שמעון בהדי הדדי הוה עייל בקרא דתורי בינייהו ולא הוה נגען בהו אמרה לה ההיא מטרוניתא בניכם אינם שלכם אמרו לה שלהם גדול משלנו . כל שכן . א"ד הכי אמרו לה (שופטים ה) כי כא'ש גבורתו . א"ד הכי אמרו לה אהבה ד הקת את הבשר ולמה להו לאהדורי לה והכתיב (משלי כו) אל תען כסיל כאולתו שלא להוציא לעז על בניהם. א"ר יוחנן אבריה דרבי ישמעאל ברבי יוסי כחמת בת

טעם בדבר כגון הך דניימי בהמתא : דיקולי דתרבא . סלים מלאים שומן לפי שבעל בשר היה מאד : בשמשא . לנסות אם יסריח וירוש תולעים : כל תרבא לא מסרח . אלא א"כ יש בשר עמו : שורייקי סומקי . גוונים אדומים והם מין הבשר : כי האי מעשה לידיה . מינהו המלך לתפוס גנבים ולסטים :
לגבי הדדי . פנים אל פנים : בקרא דתורי . למד בקר : ביניהו . בין שניהם מתחת כריסן מתוך שכריסן גדול : מטרוניתא . שרית נכרית : אינם שלכם . שאינכם יכולין להזקק לנשותיכם : שלהן גדול משלנו . כרסן של נשותינו גדול משלנו : כי כאיש גבורתו . אבר תשמיש . ל"א שלהן גדול תאוה של אשה מרובה משל איש : כל שכן . שתאותם מרובה ואינכם מזקקין להן ונתעלות להריון : אהבה דוחקת

נידיינגט אויף דיא זוהן אין דעם חדש תמוז אונ אב . אונ דיא פעטס איז ניט פאר שטונקען גיווארין. פרעגט דיא גמרא אלע פעטס ווערט ניט פאר שט נקען . ענטפערט דיא גמרא אלע פעטס ווערט ניט פארשטונקען אז אין זייא איז ניטא רויטע פרעקין (אז אין זייא איז ניטא קיין פלייש). אבער אז עס איז דא רויטע פלעקין (עס איז דא פלייש אין דיא פעטס) ; ווערט יא פארשטונקען . אבער דא בייא רבי אלעזר אפילו עס איז גיוועזן רויטע פלעקין (עס איז גיוועזן פלייש אין דיא פעטס). פון דעסטוועגין איז ניט פאר שטונקען גיווארין. האט רבי אלעזר אויף זיך גיזיינגט דעם פסוק אפילו מיין פלייש וועט רוהען זיכער אין קבר . צו רבי ישמעאל ברבי יוסי איז אויך גיטראפין גיווארין אזוי אזאך אזוי וויא צוא רבי אלעזר . דער מלך האט גיבעטין אויף רבי ישמעאל ער זאל האפין גנבים . האט אליהו הנביא בגעגינט צוא רבי ישמעאל אונ האט גיזאגט צו אים ביז וויא לאנג וועסטו איבער געבין דיא פאלק פון אונזער גאט צום הרגנן . האט רבי ישמעאל גיזאגט צוא אליהו וואס זאל איך טאהן . עס איז אגיבאט פון מלך אויף מיר . האט אליהו גיזאגט דיין פאטער איז אנטלאפין אין אסיא דוא אנטלויף אין לודקיא :

ג כי. אז רבי ישמעאל ברבי יוסי אונ רבי אלעזר ברבי שמעון האבען זיך בגעגינט איינער מיט דעם אנדערין אונ זייא זענען גישטאנען אפנים געגין אפנים . האט גיקענט דורך גיין צווישען זייא אונטער זייערע בייכער אפאר אקסין . אונ דיא אקסין האבען זייא ניט אן גערירט . האט אפירשטען צוא זייא גיזאגט אייערע קינדער זענען ניט פון אייך . ווארום מיט אזעלכע גרויסע בייכער קענט איר דאך ניט זיין בייא אייערע ווייבער . האבין זייא גיזאגט צוא דיא פירשטען דיא בייכער פון אונזערע ווייבער זענען גרעסער וויא אונזערע בייכער . האט דיא פירשטען גיזאגט זענען דאך געווים דיא קינדער ניט אייערע . אנדערע זאגין אזוי האבען זייא איר גיענטפערט אזוי וויא דער מענטש איז אזוי איז זיין שטארקייט . איז דער גליד אויך גרויס דריבער קענען מיר זיין בייא אונזערע ווייבער . אנדערע זאגין אזוי האבען זייא איר גיענטפערט דיא ליבשאפט קוועטשט צו זאמען דאס לייב . פרעגט דיא גמרא צו וואס האבען זייא איר גידארפט ענטפערין אויף אזעלכע זאכין . עס שטייט דאך אין פסוק דוא זאלכט ניט ענטפערין דעם נאר אויף זיינע נארישע קשיות . ענטפערט דיא גמרא דריבער האבין זייא איר גיענטפערט זיא זאל ניט זאגין שענדליכע רייד אויף זייערע קינדער אז זייא זענען ממזרים . רבי יוחנן זאגט דיא מילה פון רבי ישמעאל ברבי יוסי איז גיוועזן גרויס אזוי וויא אזאגיל פון ניין קווארט ; רב פפא זאגט דיא מילה פון

בת תשעה קבין . א"ר פפא אבריה דרבי יוחנן כהמת בת המשת קבין ואמרי לה בת שלשה קבין דרב פפא גופיה כי דקורי דהרפניא :

ד א"ר יוחנן אנא אישתיירי משפירי ירושלים האי מאן דבעי מיחזי שופריה דר' יוחנן נייתי כסא דכספא מבי סילקי ונימלייה פרצידי דרומנא סומקא וניהדר ליה כלילא דורדא סומקא לפומיה ונותביה בין שמשא לטולא ההוא זהרורי מעין שופריה דרבי יוחנן . איני והאמר מר שופריה דרב כהנא מעין שופריה דר' אבהו ושופריה דרבי אבהו כעין שופריה ד'עקב אבינו ויעקב אבינו מעין שופריה דאדם הראשון ואילו רבי יוחנן לא קחשיב ליה שאני רבי יוחנן דהדרת פנים לא הויא ליה ! רבי יוחנן הוה אזיל ויתיב אשערי טבילה אמר כי סלקן בנות ישראל מטבילת מצוה לפגעו בי כי היכי דליהוי להו בני שפירי כוותי גמירי אורייתא כוותי אמרי ליה רבנן מר לא מסתפי מעינא בישא אמר להו אנא מזרע יוסף קאתינא דלא שלטי ביה עינא בישא דכתיב (בראשית מט) בן פורת יוסף בן פורת עלי עין וא"ר אבהו אל תקרי

אם סבר . ומתוך שהאוכס מרובה על האוכלו כבר שמינו נדחקו : כי דקורי דהרפניא . כלים שעושין בהרפניא :
אשתיירי . נותרתי : שופריה . זיהרורי תארו וקירון זיור פניו : מבי סילקי . כשיוצא מבית האומן שהוא נהוב ממרהא להב האש (כבו) : סילקי . כשיוצא מן האש : פרצידי . גרעיניו : ונהדר ליה כלילא . יכוננוהו כפה לפיו כביו של ורד אדום : זיהרורי דנפקי מיניה . על פני הארץ : מעין . ולא הכל : הדרת פנים . זקן : עולי עין . עולים למעלה מן העין והיא מלמטה שהיא אינה יכולה לבלוע בהן :

רַבִּי יוֹחָנָן אִיז גִיוֶוען גְרוֹיס אַזוֹי וִויא אַלָאגִיל פוּן פִינְף קְוָוארְט . אַנְדֶערֶע זָאגִין . אַזוֹי וִויא אַלָאגִיל פוּן דְרַייא קְוָוארְט . אוּנ דִיא מִילָה פוּן רַב פָּפָּא אִיז גִיוֶוען גרוֹיס אַזוֹי וִויא דִיא קֶערְבּ וָואס וֶוערִין גִימַאכְט אִין הַרְפַּנְיָא : (דעם פירוש פון דער הגדה וועסטו געפונען אין סוף סדר נזיקין)

ד אמר . רַבִּי יוֹחָנָן זָאגְט אִיךְ בִּין גֶעבְּלִיבֶּען פוּן דִיא שֵׁיינֶע מֶענְטְשִׁין וָואס זֶענֶען גִיוֶוען אִין יְרוּשָׁלַיִם . זָאגְט דִיא גְמָרָא דֶער וָואס וִויל זֶעהְן דִי שֵׁיינְקַייט פוּן רַבִּי יוֹחָנָן . זָאל עֶר נֶעמֶען אַזִילבֶּערְנֶעם כּוֹס אַנַייעֶם אַזוֹי וִויא דֶער גָאלְד שְׁמִיד הָאט אִים נָאר פֶערְטִיג גִימַאכְט אוּנ הָאט אַרוֹיס גִינוּמֶען פוּן פַייעֶר . אוּנ עֶר זָאל אַרַיין שִׁיטֶען אִין דֶעם כּוֹס פוּל קֶערְנֶער פוּן רוֹיטֶע מִילגְרוֹימֶען . אוּנ עֶר זָאל מַאכִין אַרוּם דֶעם כּוֹס פוּן הוֹיבִּין אַזוֹי וִויא אַקְרוֹין פוּן רוֹיטֶע רוֹיזִין אוּנ עֶר זָאל שְׁטֶעלִין דֶעם כּוֹס צְווִישְׁען דִיא זוּהן אוּנ דֶעם שָׁאטֶען וַאוִיף דֶעם אָרְט וְוא דִיא זוּהן לָאזְט זִיךְ אוֹיס אוּנ דֶער שָׁאטֶען הֵייבְּט זִיךְ אָן דִיא שְׁטְרַאלֶען וָואס עֶס וֶועט זַיין אוֹיף דֶער עֶרְד פוּן דִיא זוּהן וָואס וֶועט שַׁיינֶען דוּרְךְ דֶעם כּוֹס . אִיז אַבִּיסוּל פוּן רַבִּי יוֹחָנָנְס שֵׁיינְקַייט . פְּרֶעגְט דִיא גְמָרָא עֶס אִיז דָאךְ נִיט אַזוֹי . ווָארוּם דֶער רֶבִּי הָאט גֶזָאגְט דִיא שֵׁיינְקַייט פוּן רַב כַּהֲנָא אִיז אַבִּיסוּל פוּן דִיא שֵׁיינְקַייט פוּן רַבִּי אַבָּהוּ . אוּנ דִיא שֵׁיינְקַייט פוּן רַבִּי אַבָּהוּ אִיז אַבִּיסוּל פוּן דִיא שֵׁיינְקַייט פוּן יַעֲקֹב אָבִינוּ . אוּנ דִיא שֵׁיינְקַייט פוּן יַעֲקֹב אָבִינוּ אִיז אַבִּיסוּל פוּן דִיא שֵׁיינְקַייט פוּן אָדָם הָרִאשׁוֹן אוּנ רַבִּי יוֹחָנָן רֶעכֶענְט מֶען גָאר נִיט צְווִישְׁען דִיא שֵׁיינֶע . עֶנְטפֶערְט דִיא גְמָרָא דָאס לַייבּ פוּן רַבִּי יוֹחָנָן אִיז טַאקִי גִיוֶוען זֵייעֶר קְלָאר אוּנ שֵׁיין נָאר עֶר אִיז נִיט גִיוֶוען בְּעווּקִין מִיט אשֵׁיינֶעם בָּארְד . אִיז דֶער פָּנִים נִיט שֵׁיין גִיוֶוען ; זָאגְט דִיא גְמָרָא רַבִּי יוֹחָנָן פְלֶעגְט גֵיין זִיצְן בַּייא דִיא טוֹיעֶרִין פוּן דִיא מִקְוָהס . עֶר הָאט גֶזָאגְט אַז דִיא יוּדִישֶׁע טֶעכְטֶער וֶועלִין אַרוֹיס גֵיין פוּן טְבִילָה זָאלִין זֵייא מִיךְ בֶּגֶעגֶענֶען וֶועלִין זֵייא קוּקֶען אוֹיף מִיר . וֶועלִין זֵייא הָאבֶּען קִינְדֶער וָואס וֶועלִין זַיין אַזוֹי שֵׁיין וִויא אִיךְ . אוּנ וֶועלֶען קֶענֶען לֶערְנֶען תּוֹרָה אַזוֹי וִויא אִיךְ . הָאבֶּען דִיא רַבָּנָן גֶזָאגְט צוּ רַבִּי יוֹחָנָן הָאסְטוּ נִיט מוֹרָא פַאר אַעַיִן הָרָע . הָאט רַבִּי יוֹחָנָן צוּ זֵייא גֶזָאגְט אִיךְ קוּם אַרוֹיס פוּן דִיא קִינְדֶער פוּן יוֹסֵף : וָואס אוֹיף זֵייא גִיוֶועלְטִיגְט נִיט דֶער עַיִן הָרָע . ווָארוּם עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק בֵּן פּוֹרָת יוֹסֵף בֵּן פֹּרָת . יוֹסֵף אִיז אַזוֹהְן מִיט חֵן . עֲלֵי עָיִן . רֶבִּי אַבָּהוּ זָאגְט זָאלְסְט נִיט לֵייעֶנֶען עֲלֵי עָיִן . נָאר זָאלְסְט לֵייעֶנֶען עוֹלֵי עַיִן . דִיא קִינְדֶער פוּן יוֹסֵף זֶענֶען אוֹיף דֶעם אוֹיג . נִיט דִיא אוֹיג גִיוֶועלְטִיגְט אוֹיף זֵייא . זֵייא שְׁלֶעכְט צוּ טָאהְן . נָאר זֵייא גִיוֶועלְטִיגֶען אוֹיף דִיא אוֹיג אוּנ הָאבֶּען גִיט מוֹרָא פַאר אִיר . רֶבִּי יוֹסִי בְּרַבִּי חֲנִינָא זָאגְט

תקרי עלי עין [אלא עולי עין]. רב יוסי בר חנינא אמר מהכא (בראשית מח) וידגו לרוב בקרב הארץ. מה דגים שבים מים מכסים אותם ואין העין שולטת בהם אף זרעו של יוסף אין העין שולטת בהם יומא חד הוה קא סחי רבי יוחנן בירדנא חזייה ריק לקיש ושוור לירדנא אבתריה א"ל חילך לאורייתא א"ל שופרך לנשי א"ל אי הדרת בך יהיבנא לך אחתי דשפירא מינאי קביל עליה בעי למיהדר לאתויי מאניה ולא מצי הדר אקרייה אתנייה ושוייה גברא רבא יומא חד הוה מפלגי בי מדרשא הסייף והסכין והפגיון והרומח ומגל יד ומגל קציר מאימתי מקבלין טומאה משעת גמר מלאכתן ומאימת גמר מלאכתן רבי יוחנן אמר משיצרפן בכבשן ר"ל אמר משיצחצחן במים א"ל לסטאה בלסטיותיה ידע א"ל ומאי אהנית לי התם רבי קרו לי הכא רבי קרו לי א"ל אהנאי לך דאקרבינך תחת כנפי השכינה חלש דעתיה דרבי יוחנן חלש ריש לקיש אתאי אחתיה קא בכיא אמרה ליה עשה בשביל בני אמר לה
עזבה

חזייה. ר"ל שהיה לסטים: שוור. קפץ: א"ל. רבי יוחנן: חילך לאורייתא. כמה כחך יפה לסבול עול תורה: שופרך. ויפיך: לנשי. ראוי לנשים ולא למי. לקפוץ כבראשונה דמשקבל עליו עול תורה תשש כחו: הסייף והסכין. משנה היא בסדר טהרות: הפגיון. א-פי"ד: ומגל יד ומגל קציר. פלצי"ש בלע"ז: ליסטאה בליסטיותיה ידע. לפי שהיית לסטים אתה בקי באותן כלי אומנות ליסטיות: רבי קרו לי. רבנן של ליסטים וראש להם הייתי: אתאי אחתיה. דרבי יוחנן אשתו דר"ל: וקא בכיא. קמיה דרבי יוחנן להתפלל על בעלה: עזבה יתומיך אני אחיה

פון דעם פסוק וידגו לרוב בקרב הארץ. זייא זאלין זיין אזוי פיל וויא פיש אין דער לאנד. אזו וויא דיא פיש וואס אין ים בדעקט זייא דיא וואסער אונ דיא אויג געוועלטיגט ניט אויף זייא. אזוי דיא קינדער פון יוסף געוועלטיגט ניט דיא אויג אויף זייא. אמאהל האט רבי יוחנן זיך גיבאדין אין ירדן. האט ריש לקיש אים גיזעהן איז ער אויך אריין גישפרונגען אין ירדן צוא רבי יוחנן. האט רבי יוחנן גיזאגט צו ריש לקיש דיין כח וואלט גוט גיוועזן צו תורה לערנען. האט ריש לקיש גזאגט צו רבי יוחנן דיין שיינקייט פאסט פאר ווייבער. האט רבי יוחנן גזאגט צו ריש לקיש אויב דו וועסט תשובה טאהן (ווארום ריש לקיש איז גיוועזן אגזלן). וועל איך דיר געבין פאר אווייב מיין שוועסטער וואס זיא איז שענער וויא איך. האט ריש לקיש אויף זיך גינומען צו טאהן תשובה. האט ער גיוואלט צוריק אשפרונג טאהן נעמען זיינע קליידער. האט ער ניט גיקענט אזוי אשפרונג טאהן וויא פריער. ווארום וויא ער האט אויף זיך גינומען דעם יאך פון דיא תורה איז שוין שוואך גיווארין זיין כח. האט רבי יוחנן גילערנט מיט ריש לקיש תורה נביאים כתובים משניות ביז ער האט אים גימאכט פאר אגרויסין למדן אמאהל האט מען געקריגט אין בית המדרש אין אדין אשווערד אונ אמעסער אונ אשפיז וואס מען בראט אויף אים פלייש אונ אשפיז וואס מען האלט אין דער מלחמה צוא שטעכין מיט אים. אונ אקליינער שעפ וואס מען שניידט מיט אים תבואה. אונ אגרויסער שערפ נאקאסע וואס מען שניידט מיט אים היי. ווען קענען זייא טמא ווערין. ווען זייא ווערין פערטיג. ווען ווערין זייא פערטיג. רבי יוחנן זאגט אז מען ברענט זייא אין פייער צום שטארקין זענען זייא שוין פערטיג. ריש לקיש זאגט אז מען בעגיסט אויף זייא קאלטע וואסער ווען מען נעמט זייא ארויס פון פייער דאמאלס ווערין זייא פערטיג. האט רבי יוחנן גזאגט צו ריש לקיש אגזלן ווייס זיינע גזלנישע כלים. ווייל דוא ביסט גיוועזן אגזלן ווייסטו ווען דיא כלים ווערין פערטיג. האט ריש לקיש גזאגט צוא רבי יוחנן וואס פאר אטובה האסטו מיר גיטאהן. דארט ביי דיא גזלנים האט מען מיך גירופען רבי. אונ דא רופט מען מיך אויך רבי. האט רבי יוחנן גזאגט צוא ריש לקיש איך האב דיר גיטאהן אטובה איך האב דיך גיבראכט אונטער דיא פליגעל פון גאט. איך האב דיך גימאכט פאר איוד. איז רבי יוחנן גיווארין אין צער פון דיא רייד פון ריש לקיש: איז ריש לקיש קראנק גיווארין. איז גקומען דיא שוועסטער פון רבי יוחנן ודיא ווייב פון ריש לקיש) אונ האט גיוויינט פאר רבי יוחנן. ער זאל בעטין פאר גאט אויף איר מאן ער זאל לעבין: אונ זיא האט גזאגט צוא רבי יוחנן טוה פון וועגן מיינע קינדער. אונ בעט פאר גאט מיין מאן זאל לעבין. האט רבי יוחנן גזאגט צוא איר פאר

(ירמיה מט) עזבה יתומיך אני אחיה עשה בשביל אלמנותי אמר לה (שם) ואלמנותיך עלי תבטחו נח נפשי' דרבי שמעון בן לקיש והוה קא מצטער רבי יוחנן בתריה טובא אמרו רבנן מאן ליזיל ליתביה לדעתיה נזיל ר' אלעזר בן פדת דמחדדין שמעתתיה אזיל יתיב קמיה כל מלתא דהוה אמר ר"י א"ל תניא דמסייעא לך אמר את כבר לקישא בר לקישא כי הוה אמינא מלתא הוה מקשי לי כ"ד קושייתא ופריקנא ליה כ"ד פירוקי וממילא רווחא שמעתא ואת אמרת תניא דמסייעא לך אטו לא ידענא דשפיר קאמינא הוה קאזיל וקרע מאניה וקא בכי ואמר היכא את בר לקישא היכא את בר לקישא והוה קא צווח עד דשף דעתיה מיניה בעו רבנן דחמי עליה ונח נפשיה:

(ע"ב) **ה ואפילו** הכי לא כסך רבי אלעזר בר' שמעון ארעתיה קביל עליה יסורין באורתא הוו מייכין ליה שיתין נמטי לצפרא נגדי מתותיה שיתין משיכלי דמא וכיבא למחר עבדה ליה דביתהו שיתין מיני לפדא ואכיל להו וברי ולא הוה שבקה ליה דביתהו למיפק לבי מדרשא כי היכי דלא לדחקוהו רבנן באורתא אמר

ואלמנותיך עלי תבטחו. פסוק בירמיה: מצטער. מתחרט על שהמיתו שלא היה מוצא תלמיד ו"ק כמותו: דשף דעתיה. נעקרה ממנו דעתו ונשתטה: ואפילו הכי. דאמר רבי אל"ז ברבי שמעון נטיל ספקות שלכם כך: לא כסיך. דעתיה להכי מלבקש רחמים ומחילה ביסורין שמא חטא באחד מן כל יקים: באורתא הוו מייכין ליה שיתין נמטי. בערב היו מקפלין תחתיו נ' שכבו ס' לבדים שקורין פלנט"ר: משיכלי. כמין ערבות קטנות שמשתמשים בהם מים ושופכין ובלשון לע"ז קונקי"ן: ונגדי מתותיה שיתין משיכלי דמא וכיבא. ומוציאים (מגופו) מתחתיו ששים עריבות מלאות דם וכאב דם לקוי שנלבין שזבו ממנו מכהין שבא עליו: מיני לפדא. מיני מאכל

לָאז דַיינֶע יְתוֹמִים אִיךְ וֶועל זַייא דֶער נֶערִין. הָאט זִיא גֶזָאגְט צוּ רַבִּי יוֹחָנָן טוּה פוּן מַיינֶעט וֶועגְין אִיךְ זָאל נִיט בְּלַייבֶּען אַאַלְמָנָה. הָאט רַבִּי יוֹחָנָן צוּא אִיר גְזָאגְט אַז דוּא וֶועסְט בְּלַייבֶּען אַאַלְמָנָה וֶועכְטוּ דִיךְ אוֹיף מִיר פַאר זִיכֶערִין. אִיז רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן לָקִישׁ גִישְׁטָארְבִּין. דֶער נָאךְ הָט רַבִּי יוֹחָנָן זִיהָאט גרוים צַער פַאר וָואס דוּרְךְ אִים אִיז רֵישׁ לָקִישׁ גִישְׁטָארְבִּין. הָאבֶּען דִי רַבָּנָן גְזָאגְט וֶוער פוּן אוּנְז זָאל גֵיין בְּרוּהִיגֶען רַבִּי יוֹחָנָן. הָאבֶּען זַייא גְזָאגְט רַבִּי אֶלְעָזָר בֶּן פְּדָת זָאל גֵיין וַוייל עֶר אִיז צַחַרִיף אוּנ אַגְרוֹיסֶער לַמְדָן וֶועט עֶר שׁוֹין וִויסֶען וָואס מִיט אִים צוּא רֵיידִין. אִיז רַבִּי אֶלְעָזָר גִיגַאנְגֶען צוּא רַבִּי יוֹחָנָן אוּנ אִיז גִיזֶעסִין פַאר אִים. אוֹיף יֶעדֶער זַאךְ וָואס רַבִּי יוֹחָנָן הָט גְזָאגְט. הָאט רַבִּי אֶלְעָזָר צוּ אִים גְזָאגְט מִיר הָאבֶּען גִילֶערוּנְט אַזוֹי וִוי א דוּא זָאגְסְט. הָאט רַבִּי יוֹחָנָן גְזָאגְט צוּא רַבִּי אֶלְעָזָר בִּיסְטוּ דֶען אוֹיךְ אַזוֹי וִויא דֶער זוּהְן פוּן לָקִישׁ: אִיךְ פְלֶעג זָאגִין אַזַאךְ הָאט עֶר מִיךְ גִיפְרֶעגְט פִיר אוּנ צְוָואנְצִיג קֻשְׁיוֹת. אוּנ אִיךְ פְלֶעג אִים עֶנְטְפֶערִין פִיר אוּנ צְוָואנְצִיג תִּירוּצִים. פוּן דֶעם פִּלְפּוּל פְלֶעגְט דֶער בְּרֵייטֶערְט וֶוערִין דֶער דִין. אוּנ דוּא זָאגְסְט מִיר הָאבֶּען גִילֶערוּנְט אַזוֹי וִויא דוּא זָאגְסְט. ווַייס אִיךְ דֶען אַלֵיין נִיט אַז אִיךְ זָאג גוּט. אִיז רַבִּי יוֹחָנָן גִיגַאיְגֶען אוּנ הָאט צוּ רִיסֶען זַיינֶע קְלֵיידֶער אוּנ הָאט גֶעווֵיינְט. אוּנ הָאט גְזָאגְט. וואוּ בִּיסְטוּ זוּהן פוּן לָקִישׁ. וואוּ בִּיסְטוּ זוּהְן פוּן לָקִישׁ. אוּנ עֶר הָאט אַזוֹי לַאנְג גֶעשְׁריגֶען בִּיז זַיין פַאר שְׁטאנְד אִיז פוּן אִים אַוֶועק גִיגַאנְגֶען: אוּנ עֶר אִיז מְשׁוּגָע גִיוָוארִין. הָאבֶּען דִיא רַבָּנָן גִיבֶּעטִין פַאר גָאט פוּן זַיינֶעט וֶועגִין אוּנ עֶר אִיז גִישְׁטָארְבִּין:

ה וַאֲפִילוּ. זָאגְט דִיא גְמָרָא אֲפִילוּ רבִּי אֶלְעָזָר בְּרַבִּי שִׁמְעוֹן הָאט גְזָאגְט וְאין סימן בו צוּא זַיין בּוֹיךְ פְרֵייט אַייךְ מַיינֶע גִידֶערִים אִיךְ בִּין אוֹיף אַייךְ פַאר זִיכֶערְט אַז וֶוערֶעם וֶועלִין אַייךְ נִיט עֶסִין אִין קֶבֶר. וַוייל גֶעוִויס זֶענֶען דִיא אַלֶע מֶענְטְשִׁין וָואס אִיךְ הָאבּ גִיכַאפְּט רְשָׁעִים. פוּן דֶעסְטְוֶועגִין הָאט זִיךְ רַבִּי אֶלְעָזָר בְּרַבִּי שִׁמְעוֹן אוֹיף דֶעם נִיט פַאר לָאזִין. וָוארוּם טָאמֶער אִיז דָאךְ גִיהַרְגֶעט גִיוָוארִין דוּרְךְ אִים אַעֶרְלִיכֶער מַאן. הָאט עֶר אוֹיף זִיךְ גִינוּמֶען יְסוּרִים. בַּיי נַאכְט פְלֶעגְט מֶען לֵייגִין אוּנְטֶער אִים זֶעכְצִיג פִילְשְׁטֶשִׁין. אִין דֶער פְרִיא פְלֶעגְט מֶען אַרוֹיס נֶעמֶען פוּן אוּנְטֶער אִים זֶעכְצִיג מִילְטְעֶרְס בְּלוּט מִיט אֵייטֶער. פוּן דִיא מַכּוֹת וָואס עֶר הָאט גִיהַאט. בַּיי טָאג הָט דָאס וַוייבּ גִימַאכְט פוּן זַיינֶעט וֶועגִין זֶעכְצִיג עֶרְלֵיי שְׁפֵּייזִין אוּנ עֶר פְלֶעגְט זַייא אוֹיף עֶסִין אוּנ פְלֶעגְט גִיזוּנְד וֶוערִין. זַיין ווַייבּ פְלֶעגְט אִים נִיט לָאזִין גֵיין אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ. דִיא רַבָּנָן זָאלִין

אמר להו אחי ורעי בואו בצפרא אמר להו זילו מפני ביטול תורה יומא חד שמעה דביתהו אמרה ליה את קא מייתית להו עילווך כלית ממון של בית אבא אימרדה אזלת לבי נשא סליקו ואתו הנך שיתין ספונאי עיילו ליה שיתין עבדי כי נקיטי שיתין ארנקי ועבדו ליה שיתין מיני לפדא ואכיל להו יומא חד אמרה לה לברתה זיל בקי באבוך מאי קעביד האידנא אתיא אמר לה זיל אמרי לאמך שלנו גדול משלהם קרי * אנפשיה (משלי לא) היתה כאניות סוחר ממרחק תביא לחמה אכל ושתי וברי נפק לבית מדרשא אייתו לקמיה שיתין מיני דמא טהרינהו הוו קא מרנני רבנן ואמרי ס"ר לית בהו חד ספק אמר להו אם כמותי הוא יהיו כלם זכרים ואם לאו תהיה נקבה אחת ביניהם היו כולם זכרים ואסיקו להו אלעזר על שמיה. תניא אמר רבי כמה פריה ורביה ביטלה רשעה זו מישראל

שעושים מהאנים: א"ר להו. למכאובים: ביטול תורה. שהיה עוסק וגרסתו תמיד בביתו: את מייתת להו עליך. אתה מביאן עליך: כלית מזון. במאכל ורקבות בגדים: ספונאי. יורדי הים באניות: עיילו ליה שיתין עבדי. לפי שעמד עליהם נחשול של ים והתפללו לה' לה לא בזכותו של רבי אלעזר וניצלו בזכותו וכשעלו מן הים שלחו לו דורון: אמרה לה. אשתו לברתה: בקי באבוך. בדקי באביך מהו עושה. בקי ל' בקיאות וידיעה: אמר. ר"א לבתו זילי אמרי: שלנו. עושר גדול משלהם: היתה כאניות סוחר. על התורה נאמר וכו'. נתחזק: נפק לבי מדרשא. אותו היום שלא עכבתו אשתו: שיתין מיני דמא. שהראו לו הנשים לראות אם דם נדה הוא או אם דם טוהר דקיימא לן תמצא דמים הם טמאים באשה ואחר מראה דמים טהורים: טהרינהו. להזקק לבעליהן בלא טבילה: יהיו כולן זכרים. יתעברו כולן הלילה זכרים: רשעה. זו מלכות

אים ניט צוא קוועטשין זיינע מכות. ביא נאכט פלעגט רבי אלעזר זאגין צוא דיא מכות מיינע ברידער אונ מיינע גוטע פריינד קומט: אין דער פריא פלעגט ער זאגין צו דיא מכות גייט אוועק פון מיר. איר זאלט מיך ניט שטערין פון לערנען. אמאהל האט דס ווייב געהערט וויא ער רופט דיא מכות זייא זאלין צוא אים קומען. האט דאס ווייב צו אים גזאגט דו אליין ברייננסט אויף דיר דיא מכות. דוא פאר לענדעסט מיין פאטערס געלט. מיט אזוי פיל קליידער פאר פוילין. אונ מיט אזוי פיל עסינוואהרג. האט זיא זיך צוא קריגט מיט איר מאן אונ איז גיגאנגען צוא איר פאטער. דער וויל זענען גיגאנגען זעכציג שיפען אויף דעם ים. איז אויף גישטאנען אויף זייא א וואל וואסער אונ האט זייא גיוואלט דער טרייננקען. האבען זייא גיבעטין צוא גאט זייא זאלין גיהאלפין ווערין אין דעם זכות פון רבי אלעזר. אונ זייא זענין גיהאלפען גיווארין. וויא דיא זעכציג שיפען זענען גיקומען צום פארט. זענען גיגאנגען דיא זעכציג שיפערס צוא רבי אלעזר אונ האבען מיט גיברייננגט זעכציג קנעכט. אונ דיא זעכציג קנעכט האבען גיהאלטען זעכציג ביימלען געלט. אונ זייא האבען גיגעבין צוא רבי אלעזר די זעכציג ביימלען געלט. אונ דיא קנעכט האבען גימאכט פאר רבי אלעזר זעכציג ערליי עסינוואהרג אונ ער האט זייא גיגעסין. אמאהל האט דיא ווייב פון רבי אלעזר גזאגט צוא איר טאכטער גיי צו דיין פאטער אונ זעה וואס ער טוהט איצט. איז זיא גיקומען צוא איר פאטער. האט דער פאטער צוא איר גזאגט גייא זאג דיין מוטער אונזער רייכקייט איז גרעסער וויא זייערע. האט רבי אלעזר גילייענט אויף זיך דעם פסוק דיא תורה איז גיווארין אזוי וויא א שיף פון א סוחר פון ווייטינס ברייננגט זיא איר ברויט. דיא תורה האט גיברייננגט מיין ברויט פון ווייטינס. פון דיא שיפען פון ים: האט רבי אלעזר גיגעסין אונ גיטרונקען אונ איז גיזונד גיווארין אונ איז גיגאנגען אין בית המדרש: זענען גיקומען פאר אים זעכציג ווייבער אונ האבען אים גיפרעגט שאלות אויף זייערע בלוט. זייא זענען טמא אדער טהור. האט רבי אלעזר אויף אלע גזאגט טהור. האבען די רבנן גירעט אויף רבי אלעזר אונ האבען גזאגט וויא קען דאס זיין אז אלע זעכציג ווייבער זאלין זיין טהור. אונ אויף איינע זאל ניט זיין א ספק טאמער איז טמא. האט רבי אלעזר גזאגט צוא דיא רבנן אויב דער דין איז וויא איך האב גזאגט. זאלין דיא אלע זעכציג ווייבער דיא נאכט מעוברת ווערין אונ אלע זאלין גיבארין זכרים. אונ אויב עס איז ניט וויא איך זאג. זאל איינע פון זיי גיבארין א נקבה. זענען אלע זעכציג גיוועזען זכרים. אונ אלע זעכציג האט מען גירופען אלעזר. אויף דעם נאמען פון רבי אלעזר. זאגט דיא גמרא מיר האבען גילערנט רבי האט גזאגט וויא פיל

הרשעה שמינתהו תופס גנבים ולא בא לבהמ"ד תמיד ולהראות לו הכסים את דמן לו"א על אמתו שעכבתו מלבא לבהמ"ד שנים רבות: דרתיחי עלי. על שנלקחו גנבים על ידו והוו להו קרובים: אוגנין בעליתי. השכיבני בעלייתי: במזייה. בשערו: ביניתא. שער: ריחשא. תולעת: חלש דעתאי. דאגתי שמא מעשה יסורים וירקינ: כולי האי. משמודע לבריות שאינו חי ולא נקבר אין זה כבודו: פרידה. גוזל א': יש לי ביניכם. אבין היה: עכברייא שם

מישראל כי הוה קא ניהא נפשיה אמר לה לדביתהו ידענא בדרבנן דרתיחי עלי ולא מיעסקו בי שפיר אוגנין בעליתא ולא תדחלון מינאי. א"ר שמואל בר נחמני אישתעיא לי אימיה דרבי יונתן דאישתעי לה דביתהו דרבי אלעזר בר' שמעון לא פחות מתמני סרי ולא טפי מעשרין ותרתין שנין אוגניתיה בעילתא כי הוה סליקנא מעיינא ליה במזייה כי הוה משתמיט ביניתא מיניה הוה אתא דמא יומא חד חזאי ריחשא דקא נפיק מאודניה חלש דעתאי איתחזי לי בהלמא אמר לי לא מידי הוא יומא חד שמעי בזילותא דצורבא מרבנן ולא מחאי כדבעי לי. כי הוו אתו בי תרי לדינא הוו קיימי אבבא אמר מר מלתיה ומר מלתיה נפק קלא מעיליתיה ואמר איש פלוני אתה הייב איש פלוני אתה זכאי יומא חד הוה קא מינצית דביתהו בהדי שיבבתה אמרה לה תהא כבעליך שלא ניתן לקבורה אמרי רבנן כולי האי ודאי לאו אורח ארעא א"ד רשב"י אתחזי להו בחלמא וא"ל פרידה אחת יש לי ביניכם ואי אתם רוצים להביא אצלי אזול רבנן לאיעסוקי ביה לא שבקו בני עכבריא דכל שני דהוה ניים

ר"א

קִינְדֶער הָאט דִיא שְׁלֶעכְטֶע וַוייבּ פוּן רַבִּי אֶלְעָזָר גֶעמִינֶערְטנפוּן:יוּדִין. ווָארוּם דָאס וַוייבּ פוּן רַבִּי אֶלְעָזָר הָאט נִיט גִילָאזִין רַבִּי אֶלְעָזָר זָאל גֵיין אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ אַז וַוייבֶּער זֶענֶען גִיקוּמֶען מִיט שַׁאֲלוֹת וַוייל קִינֶער הָאט נִיט פַאר שְׁטַאנֶען גוּט צוּא פַּסְקְנֶען. הָאט מֶען דִיא וַוייבֶּער מְטַמֵּא גִיוֶועז. הָאבֶּען זֵייא זִיךְ נִיט בַּהֶעפְטְ מִיט דִיא מַאנֶען. זֶענֶען דָאךְ גִיבָּארִין גִיוָוארִין וֶוייניגֶער קִינְדֶער. אֵיידֶער רַבִּי אֶלְעָזָר אִיז גִישְׁטָארְבִּין הָאט עֶר גֶזָאגְט צוּא זַיין וַוייבּ אִיךְ ווייס אַז דִיא רַבָּנָן זֶענֶען אִין כַּעַס אוֹיף מִיר. אוּנ זֵייא וֶועלִין מִיךְ נִיט בַּגְרָאבִּין נָאךְ מַיין כָּבוֹד. דְרִיבֶּער זָאלְסְטוּ מִיךְ לֵייגִין אוֹיף דֶעם בּוֹידִים. אוּנ אִיר זָאלְט נִיט מוֹרָא הָאבֶּען פַאר מִיר. רַבִּי שְׁמוּאֵל בַּר נַחְמָנִי הָאט גֶזָאגְט דִיא מוּטֶער פוּן רַבִּי יוֹנָתָן הָאט מִיר גִזָאגְט אַז דִיא וַוייבּ פוּן רַבִּי אֶלְעָזָר בְּרַבִּי שִׁמְעוֹן הָאט אִיר דֶערְצֵיילְט. נִישְׁט וֶוייניגֶער וִויא אַכְטְצֶעהְן יָאהר אוּנ נִישְׁט מֶער וִויא צְוֶוייא אוּנ צְוַואנְצִיג יָאהר אִיז רַבִּי אֶלְעָזָר גִילֶעגִין אוֹיף דֶעם בּוֹידִים. אַז אִיךְ פְלֶעג אַרוֹיף גֵיין אוֹיף דֶעם בּוֹידִים פְלֶעג אִיךְ זֶעהְן אִין דִיא הָאר זַיינֶע אוֹיבּ עֶס אִיז נִיטָא כִּנִּים וֶוערֶעם. אַז עֶס פְלֶעגְט אַרוֹיס פַאלִין אַהָאר פוּן זַיין קָאפּ. פְלֶעגְט גֵיין בְּלוּט. אַמָאהל הָאבּ אִיךְ גִיזֶעהְן אַוָוארֶעם קְרִיכְט אַרוֹיס פוּן זַיין אוֹיעֶר. הָאבּ אִיךְ גִיהַאט צַעַר טָאמֶער וֶועט עֶר אָנְהֵייבִּין פַארפוֹילְט וֶוערִין. אִיז עֶר גִיזֶעהְן גִיוָוארִין צוּ מִיר אִין חֲלוֹם אוּנ הָאט מִיר גֶעזָאגְט דָאס אִיז גָאר נִיט. אִיךְ הָאבּ אַמָאהל גִיהֶערְט וִויא אֵיינֶער הָאט פַארשֶׁעמְט אַלַמְדָן. אוּנ אִיךְ הָאבּ יֶענֶעם נִישְׁט גִישְׁטְרָאפְט פַאר דֶעם אַזוֹי וִויא אִיךְ הָאבּ אִים גִידַארְפְט שְׁטְרָאפִין. דְרִיבֶּער אִיז גִיוֶועז דֶער ווָארֶעם אִין אוֹיעֶר. אַז צְוֶוייא מֶענְטְשִׁין פְלֶעגִין קוּמֶען צוּ אַדִין תּוֹרָה. פְלֶעגִין זֵייא שְׁטֵיין בַּייא דִיא טִיר. דֶער הָאט גֶזָאגְט זַיינֶע טַעֲנוֹת: אוּנ דֶער הָאט גֶזָאגְט זַיינֶע טַעֲנוֹת. אוּנ עֶס פְלֶעגְט אַרוֹיס גֵיין אַקוֹל פוּן בּוֹידִים אוּנ הָאט גִיזָאגְט דֶער מֶענְטְשׁ ווָאס הֵייסְט אַזוֹי אִיז אוּמגִירֶעכְט. אוּנ דֶער מֶענְטְשׁ ווָאס הֵייסְט אַזוֹי אִיז גִירֶעכְט. אַמָאהל הָאט זִיךְ דִיא וַוייבּ פוּן רַבִּי אֶלְעָזָר גֶעקְרִיגְט מִיט אִיר שְׁכֵנְתֶּע. הָאט דִיא שְׁכֵנְתֶּע צוּ אִיהר גִיזָאגְט דוּא זָאלְסְט זַיין אַזוֹי וִויא דַיין מַאן ווָאס עֶר אִיז נִיט בַּגְרָאבִּין גִיוָוארִין. הָאבִּין דִיא רַבָּנָן גִיזָאגְט אַזוֹי פִיל טָאר מֶען אִיהם נִיט פַארשֶׁעמֶען. אַז אַלֶע מֶענְטְשִׁין זָאלִין וִויסֶען אַז רַבִּי אֶלְעָזָר אִיז גִישְׁטָארְבִּין אוּנ מֶען בַּגְרָאבְּט אִים נִיט. אַנְדֶערֶע זָאגִין זַיין פָאטֶער רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאִי אִיז גִיזֶעהְן גִיוָוארִין צוּ דִיא רַבָּנָן אִין חָלוֹם אוּנ הָאט גִיזָאגְט צוּ זֵייא אֵיין טוֹיבּ הָאבּ אִיךְ צְווִישֶׁען אַייךְ אוּנ אִיר ווִילְט זִיא נִיט בְּרֵיינְגֶען צוּ מִיר. זֶענֶען דִיא רַבָּנָן גִיגַאנְגֶען צוּ רַבִּי אֶלְעָזָר זֵייא זָאלִין זִיךְ בַּשֶׁעפְטִיגֶען מִיט זַיין בַּגְרֶעבֶּנִים. הָאבֶּען דִיא מֶענְטְשִׁין פוּן דִיא שְׁטָאט עַכְבַּרְיָא נִיט גִילָאזִין צוּ נֶעמֶען רַבִּי אֶלְעָזָר פוּן בּוֹידִים. ווָארוּם דִיא אַלֶע יָאהְרִין

ר"א בר שמעון בעיליתיה לא סליק חיה רעה למתייהו יומא חד מעלי יומא דכפורי הוה הוו טרידי שדרוה רבנן לבני בירי ואסקוה לערסיה ואמטיוה למערתא דאבוה אשכחוה לעכנא דהדרא ליה למערתא אמרו לה עכנא פתחי פיך ויכנס בן אצל אביו פתחה להו:

ו שלח רבי לדבר באשתו שלחה ליה כלי שנשתמש בו קדש ישתמש בו חול תמן אמרין באתר דמרי ביתא תלא זייניה כולבא רעיא קולתיה תלא שלח לה נהי דבתורה גדול ממני אבל במע"ט מי גדול ממני שלחה ליה בתורה מיהא גדול ממך לא ידענא אבל במעשים טובים ידענא דהוה קביל עליה יסורין בתורה מאי היא דכי הוו יתבי רשב"ג ורבי יהושע בן קרחה אספסלי יתבי קמייהו רבי אלעזר ברבי שמעון ורבי אארעא מקשו ומפרקו אמרו מימיהם אנו שותים והם יושבים על גבי קרקע עבדי להו ספסלי אסקינהו אמר להם רשב"ג פרידה אחת יש

מקום שסמוך לעירו: לבני בירי. שם כפר אחד שהיו קרובים: עכנא. נחש: דהדרא ליה למערה. הקיפה את המערה כעין גלגל וזנבה אצל פיה: פתחי פיך. הרחיבי זנבך מעל פיך ליתן מקום ליכנס: לדבר באשתו. שתנשא לו: תמן אמרי. בא"י אומרים המשל הזה כנגד זה: באתר דמרי תלא זייניה כולבא רעיא קולתיה תלא. יתד שהיה הגבור רגיל לתלות בו כלי זיינו הנבל הרועה תרמילו תלה בו לנ"ת בלע"ז: בתורה מינה. לדבריך הוא גדול ממך בתורה: אנא לא ידענא. אלא שפיך ענה כך: אבל במעשים טובים. אני יודעת שהוא גדול ממך דהא קביל עליה יסורין: רבן שמעון בן גמליאל. אביו של רבי: ורבי יהושע בן קרחה. ורבנן טובא בהדייהו אלא שניהם גדולי הדור: אמרו. רבנן דבי מדרשא דיתבי אספסלי: פרידה אחת. בן אחד: לאבדם

וואס רבי אלעזר ברבי שמעון איז גילעגין אויף דעם בוידים איז ניט גיקומען קיין שלעכטע חיה אין זייער שטאט. אמאהל אום ערב יום כפור זענען דיא מענטשין פון עכבריא גיוועזן בשעפטיגט אין דיא זאכין פון יום כפור. האבען דיא רבנן געשיקט צו דיא מענטשין פון דעם דארף בירי זייא זאלין אראפ נעמען רבי אלעזר פון בוידים. אונ זייא זאלין אים טראגין מיט זיין בעטיל צוא דער מערה ווא זיין פאטער רבי שמעון ליגט. וויא זייא זענען גיקומען צו דער מערה האבען זייא גיפונען אשלאנג ליגט ארום דיא מערה אונ ער האלט דעם וויידל אין מויל. האבען זייא גזאגט צום שלאנג. שלאנג שלאנג העפין דיין מויל אונ נעם ארויס דעם וויידל אונ מאך אארט מען זאל קענען אריין גיין. וועט אריין גיין דער זוהן צוא זיין פאטער. האט דער שלאנג גיהעפינט אונ מען האט גיטראגין רבי אלעזר אין דיא מערה אונ מען האט איהם גילייגט נעבין זיין פאטער:

ו שלח. רבי האט געשיקט צו דיא ווייב פון רבי אלעזר זיא זאל מיט אים חתונה האבען האט זיא געשיקט. צוא רבי דיא כלי וואס מען האט גענוצט אין איר הייליגקייט. דארף מען ניט ניצען אין איר פראסטע זאכין. אין ארץ ישראל האט מען גיזאגט אויף דעם אמשל. אויף דעם ארט ווא דער בעל הבית פון שטוב איינגט אויף זיינע גיוועהר ושווערד אונ ביקסו וויל דער שלעכטער פאסטוך דארט אויף איינגען זיין טארבע. האט רבי צוא איר געשיקט אמת רבי אלעזר איז גיוועזן גרעסער פאר מיר אין תורה. אבער אין מעשים טובים איז ער ניט גיוועזן גרעסער פון מיר. האט דאס ווייב פון רבי אלעזר געשיקט צו רבי אז רבי אלעזר איז גיוועזן גרעסער פאר דיר אין תורה דאס האב איך ניט גיוואסט. נאר דו אליין זאגסט אז ער איז גיוועזן גרעסער פאר דיר אין תורה. אבער אין מעשים טובים וויים איך אז רבי אלעזר איז גיוועזן גרעסער פאר דיר. ווארום ער האט דאך אליין גינומען אויף זיך יסורים. פון וואנען ווייסין מיר אז רבי אלעזר איז גיוועזן גרעסער פאר רבי אין תורה. אז רבן שמעון בן גמליאל אונ רבי יהושע בן קרחה זענען גיזעסין אויף ביינק. איז פאר זייא גיזעסין רבי אלעזר ברבי שמעון אונ רבי אויף דיא ערד. רבי אלעזר אונ רבי פלעגין פרעגין קשיות איינער דעם אנדערין אונ פלעגין ענטפערין תירוצים. האבען דיא אנדערע רבנן פון בית המדרש וואס זענען אויך גיזעסין אויף ביינק גיזאגט. מיר טרינקען זייערע וואסער (מיר לערנען זייער תורה). אונ זייא זיצען אויף דיא ערד. האט מען גימאכט פאר זייא ביינק אונ מען האט רבי אלעזר מיט רבי גיזעצט אויף דיא ביינק. האט רבן שמעון בן גמליאל גיזאגט צוא דיא רבנן איין טויב האב איך צווישען אייך ואיך

סימני. שמא תפלוט בו מין רעה: שאין לו אב. דהא נפשיה דר"ש ב"י: רשב"ג הא דאמרן. דקאמר אתה ארי בן שועל: בני בתירה. במס' פסחים שהיו נשיאים ובשביל שראו להלל שהיה גדול בתורה ועלה לכאן מבבל עזבו נשיאותן ומינוהו נשיא עליהם: דהוו להלל דעדיף. מינייהו והלכות שהיו נעלמין

יש לי ביניכם ואתם מבקשים לאבדה היטני אחתוהו לרבי אמר להם רבי יהושע בן קרחה מי שיש לו אב חיה ומי שאין לו אב ימות אחתוהו נמי לר"א בר"ש חלש דעתיה אמר קא חשביתו ליה כוותי עד ההוא יומא כי הוה אמר רבי מלתא הוה מסייע ליה ר"א בר"ש מכאן ואילך כי הוה א"ל רבי יש לי להשיב א"ל ר"א בר"ש כך וכך יש לך להשיב זו היא תשובתך השתא הקפתנו תשובות חבילות שאין בהם ממש חלש דעתיה דרבי אתא א"ל לאבוה א"ל בני אל ירע לך שהוא ארי בן ארי ואתה ארי בן שועל והיינו דאמר רבי ג' ענותנין הן ואלו הם אבא (דף פה) ובני בתירה ויונתן בן שאול רשב"ג הא דאמרן בני בתירה דאמר מר הושיבוהו בראש ומינוהו לנשיא עליהם יונתן בן שאול דקאמר ליה לדוד (ש"א כג) ואתה תמלוך על ישראל ואני אהיה לך למשנה ממאי דלמא יונתן בן שאול דחזא דגריר עלמא בתר דוד בני בתירה נמי דחזו להלל דעדיף מינייהו אלא רשב"ג ודאי הוה

האָב נאָר איין זוהן! און איר ווילט אים פאַר לירען פון מיר. וואָרום איך האָב מורא פאַר אַ עין הרע. האָט מען רבי צוריק געזעצט אויף דיא ערד. האָט רבי יהושע בן קרחה געזאָגט דער וואָס האָט אַ פאָטער דאַרף לעבין. און דער וואָס האָט ניט קיין פאָטער זאָל שטאַרבין. מען דאַרף דאָך מורא האָבען אויף רבי אלעזר אויך פאַר אַ עין הרע. האָט מען רבי אלעזר בר רבי שמעון אויך צוריק געזעצט אויף דיא ערד. האָט זיך רבי מצער געוועזן פאַר וואָס מען האָט אלעזר בר רבי שמעון אויך צוריק געזעצט אויף דיא ערד. האָט רבי געזאָגט איז רבי אלעזר בר רבי שמעון ביי איך אַזוי חשוב וויא איך [ועיין מהרש"א]. ביז דעם טאָג אַז רבי פלעגט פרעגין אַ קשיא. פלעגט רבי אלעזר זאָגין דאָס איז אַ גרויסע קשיא. און אַז רבי פלעגט זאָגין אַ תירוץ. פלעגט רבי אלעזר זאָגין דאָס איז אַ גוטער תירוץ. און רבי אלעזר פלעגט ברייניגען אַ ראיה צוא זיינע רייד פון אַ משנה אָדער פון אַ ברייתא. פון דעם טאָג און ווייטער אַז רבי פלעגט זאָגין צוא רבי אלעזר איך האָב צוא פרעגין אַ קשיא: איידער רבי האָט נאָך פון טויל אַרויס געזאָגט דיא קשיא. האָט שוין רבי אלעזר געזאָגט צוא רבי די און דיא קשיא ווילסטו פרעגין און דאָס איז דער תירוץ אויף דיינע קשיות. דוא האָסט אונז אַרומגערינגעלט מיט פיל קשיות. וואָס זייא זענען גאָר קיין קשיות ניט. האָט זיך רבי מצער געוועזן. איז ער גיקומען צום פאָטער און האָט דאָס אים דער ציילט. האָט דער פאָטער געזאָגט צוא רבי. מיין זוהן זאָל דיך ניט פאַרדריסען. וואָרום רבי אלעזר איז אַ לייב דער זוהן פון אַ לייב. און דוא ביסט אַ לייב דער זוהן פון אַ פוקס. דאָס איז וואָס רבי האָט געזאָגט דריי מענטשין זענען געוועזן ביי זיך נידעריג. דם זענען זייא. מיין פאָטער. און דיא קינדער פון בתירה: און יונתן דער זוהן פון שאול המלך. רבן שמעון בן גמליאל האָבען מיר שוין געזאָגט זיינע נידעריגקייט. וואָס ער האָט אויף זיך געזאָגט איך גענין רבי שמעון בן יוחאי בין אַזוי וויא אַ פוקס גענין אַ לייב. דיא קינדער פון בתירה האָבען אויך געוויזען זייערע נידעריגקייט. זייא זענען געוועזן נשיאים און וויל זייא האָבען גיזעהן אַז הלל קען בעסער לערנען פאַר זייא. זענען זייא אַראָפּ גיגאַנגען פון זייערע נשיאות. און האָבען גימאַכט הלל פאַר אַ נשיא. יונתן דער זוהן פון שאול המלך הט אויך געוויזען זיינע נידעריגקייט. וואָרום ער האָט געזאָגט צוא דוד המלך דוא וועסט קעניגען אויף דיא יודין און איך וועל זיין דער אַנדערער פון דיר. פרעגט דיא גמרא פון וואַנען ווייסען מיר אַז זייא זענען ביי זיך געוועזן נידעריג. יונתן דער זוהן פון שאול קען זיין ער איז ביי זיך גאָר ניט געוועזן נידעריג נאָר וויל ער האָט גיזעהן אַז אַלע יודין ציהען זיך צוא דוד. דריבער האָט ער געוואוסט אַז ניט ער וועט זיין אַ מלך נאָר דוד. דריבער האָט ער גיבעטין ביי דוד אַז ער וויל זיין דער אַנדערער פון אים. און דיא קינדער פון בתירה קען אויך זיין זייא זענען ביי זיך גאָר ניט געוועזן נידעריג. נאָר

הוה ענוותן . אמר רבי חביבין יסורין קביל עליה תליסר שני שית בצמירתא ושבע בצפירנא ואמרי לה שבע בצמירתא ושית בצפירנא אהורייריה דבי רבי הוה עתיר משבור כלבא כד הוה רמי כיסתא לחיותא הוה אזיל קלא בתלת מילי הוה מכוין דרמי בההיא שעתא דע״יל רבי לבית הכסא ואפילו הכי מעבר ליה קליה לקלייהו ושמעי ליה נחותי ימא ואפילו הכי יסורי דרבי אלעזר ברבי שמעון עדיפי מדרבי דאילו רבי אלעזר ברבי שמעון מאהבה באו ומאהבה הלכו דרבי על ידי מעשה באו ועל ידי מעשה הלכו. על ידי מעשה באו מאי היא דההוא עגלא דהוו קא ממטו ליה לשחיטה אזל תליא לרישיה בכנפיה דרבי וקא בכי א״ל זיל לכך נוצרת אמרי הואיל ולא קא מרחם ליתו עליה יסורין , ע״י מעשה הלכו יומא חד הוה קא כנישא אמתיה דרבי ביתא הוה שדיא בני כרכושתא וקא כנשא להו אמר לה שבקינהו כתיב

מהם בבהמ״ד נעלמות מהם ובושין בדבר : חביבין יסורין שהרי שהועילו יסורים של ר״א שלא שלטה בו רמה : בצמירתא. אבן שבמקום קטנים : בצפירנא. חולי שבתוך הפה וכמו מיסג״א : אהורייריה. שומר סוסים : כיסתא. מספוא : עבר קליה. דרבי : לקלייהו. דחיותא : תליא לרישיה בכנפיה דרבי. שהכניס ראשו תחת כנפי כסותו : אמרי ברקיע : כנשא ביתא. מכבדת הבית :. שדיין בני כרכושתא

ווייל זייא האבען גיזעהן אז הלל קען בעסער לערנען פאר זייא . אלע שאלות וואס מען האט גיפרעגט ביי הלל האט ער געוואוסט צוא ענפערין . און אלע שאלות וואס מען הט ביי זייא גיפרעגט . האבען זייא ניט געוואוסט צוא ענפערין . און זייא זענין פר שעמט געבליבען . האבען זייא גימוזט אפ טרעטין פון דיא נשיאות . נאר רבן שמעון בן גמליאל איז געווען גיווען בייא זיך נידעריג . רבי האט גזאגט ווייל איך זעה אז יסורין זענען געליבט פאר גאט ווארום רבי אלעזר ווייל ער האט געליטען יסורים דריבער האבען אויף אים ניט גיוועלטיגט דיא ווערעם . האט ער אויף זיך גינומען יסורים דרייצעהן יאהר . זעקס יאהר זאל ער האבען יסורים פון צמירתא וואס איז אשטיין אין בויך געבין די ארין . און זיבען יאהר זאל ער האבען יסורים פון צפירנא וואס איז אזוי אקראנקייט אין מויל . אנדערע זאגין פאר קערט זיבען יאהר זאל ער האבען צמירתא און זעקס יאהר צפירנא . דער פערד היטער פון רבי איז גיוועזן רייכער פר דעם מלך פון פערסיע . ווען ער פלעגט געבין פיטערונג צוא די בהמות פלעגט מען הערין דעם גישרייא פון די בהמות ביז דריי תחום שבת פלעגט דער פערד היטער אבטונג געבין ער זאל געבין דיא פיטערונג צוא דיא בהמות אין דער צייט ווען רבי איז ארייין גינאנגען אין בית הכסא . דורך דעם גישריי פון די בהמות זאל מען ניט הערין דעם גישריי פון רבי פון זיינע יסורים . זאגט די גמרא פון דעסטוועגין איז דער גישריי פון רבי גיוועזן העכער וויא דער געשרייא פון דיא בהמות . דיא וואס זענען גיפארען אויף דעם ים מיט שיפען פלעגין הערין דעם קול פון רבי . זאגט די גמרא פון דעסטוועגין זענען דיא יסורים פון רבי אלעזר ברבי שמעון גיוועזן ליבער וויא דיא יסורים פון רבי . ווארום דיא יסורים פון רבי אלעזר ברבי שמעון זענען צוא אים גיקומען פון ליבשאפט און זייא זענען אוועק גינאנגען פון אים פון ליבשאפט . ווארום ביי נאכט פלעגט ער זייא רופען זייא זאלין קומען צוא אים . און אין דער פריא פלעגט ער זייא הייסען זייא זאלין אוועק גיין פון אים . און אזוי איז גיוועזן . און דיא יסורים פון רבי זענען גיקומען צוא אים דורך א מעשה . און זייא זענען אוועק גינאנגען פון אים דורך א מעשה . דורך וועלכע מעשה זענען זייא גיקומען צוא אים . מען הט אמאהל געפירט א קאלב מען זאל איר שעכטין . האט דיא קאלב דער זעהן וויא רבי גייט איז זיא צוא גינאנגען ציא רבי און האט בעהאלטען איר קאפ אונטער זיינע קליידער און זי הט גיוויינט . האט רבי צוא איר גזאגט גייא דוא ביסט צוא דעם בשאפען גיווארין מען זאל דיך שעכטין . האט מען גזאגט אין הימעל ווייל ער האט ניט קיין רחמנות זאל קומען אויף אים יסורים . און דורך וועלכע מעשה זענען זייא אוועק גינאנגען פון אים . אמאהל האט דיא דינסט פון רבי גיקערט דיא שטוב . זענען גילעגין אויף דער ערד קליינע קעצלאך . האט דיא דינסט גיוואלט זיי ארויס קערין . האט רבי צו איר גזאגט לאזין זייא ליגען . ווארום עס שטייט אין פסוק גאט האט

כתיב (תהלים קמה) ורחמיו על כל מעשיו אמרי הואיל ומרחם (רחמן) נרחם עליה כולהו שני יסורי דרבי אלעזר לא שכיב אינש בלא זמניה כולהו שני יסורי דרבי לא אצטריך עלמא למטרא דאמר (מר) [רבה] בר רב שילא קשה יומא דמטרא כיומא דדינא ואמר אמימר אי לאו דצריך לעלמא בעו רבנן רחמי עלייהו ומבטלי ליה אפילו הכי כי הוו עקרי פוגלא ממשרא הוה קיימא בירא מליא מיא :

היו מוטלין בהמי חולדה: ואפ"ה. דלא אזלא מיטרא בההוא שמי: כי הוו עקרי פוגלא. לנון: ממשרא. מן הערוגה: הוה קיימא בירא מלאה מיא. היתה הגומא עומדה מלאה מים:
שוכרתו בארבע. מחמת יופיו: אכמכיה ברבי. היו קורין אותו רבי כדי שיקנא וישים לבו על ת"ת: ואשלמיה. מסרו לר"ש ללמדו תורה: כל יומא הוה אמר. אותו הבן: לקרייתי אנא איזיל. לעירי אני הולך: מומי עזובה דא. בשבועה הנחתי זאת ולא אשאל עוד לילך: ולוקח נפשות חכם.

ז איקלע רבי לאתרי' דרבי אלעזר בר' שמעון אמר להו יש בן לאותו צדיק אמרו לו יש לו בן וכל זונה שנשכרת בב' שוכרתו בד' אתיוה אסמכיה [כרבי] ואשלמיה לר' שמעון בן איסי בן לקוניא אחוה דאימיה כל יומא הוה אמר לקרייתי אנא איזיל א"ל חכים עבדו יתך וגולתא דדהבא פרסו עליך ורבי קרו לך ואת אמרת לקרייתי אנא איזיל א"ל מומי עזובה דא כי גדל יתיב במתיבתא דרבי שמעיה לקליה אמר הא קלא דמי לקליה דר"א בר"ש אמרו ליה בריה הוא קרי עליה (משלי יא) פרי צדיק עץ חיים ולוקח נפשות חכם פרי צדיק עץ חיים זה רבי יוסי בר' אלעזר בר' שמעון ולוקח נפשות חכם זה ר"ש בן איסי בן

רחמנות אויף אלץ וואס ער האט בשאפען. האט מען גזאגט אין הימעל וויל ער הט רחמנות וועלין מיר רחמנות האבען אויף אים. די אלע יאהרין וואס רבי אלעזר האט גיהאט יסורים איז קיין מענטש ניט גישטארבען פאר די צייט. אונ די אלע יאהרין וואס רבי האט גיהאט יסורים. האט די וועלט ניט גידארפט עס זאל גיין רעגין. ווארום רבה בר רב שילא הט גזאגט דער טאג וואס אין אים גייט רעגין איז ער אזוי שלעכט וויא דער טאג וואס מען משפט אין אים די וועלט. אונ אמימר האט גזאגט ווען מען וואלט ניט גידארפט דעם רעגין צו די וועלט. וואלטין די רבנן גיבעטין עס זאל קיין מאהל ניט גיין רעגין. פון דעסטוועגין אפילו עס איז קיין רעגין ניט גיוועזן אז מען האט אויס געריסען א רעטאך פון א זאגאן. איז די גריבול פון רעטאך גיוועזן פול מיט וואסער :

ז איקלע. רבי איז אמאהל גיקומען אין דיא שטאט וואו רבי אלעזר ברבי שמעון האט גיוואוהנט. האט רבי גזאגט צוא דיא מענטשין פון שטאט האט דער צדיק רבי אלעזר ברבי שמעון גילאזין א זוהן. האבען זייא גזאגט צוא אים ער האט גילאזין א זוהן. אונ דיא זונה וואס ווערט פאר דונגען פאר צוויי גילדין. זיא נעמט פאר דעם זנות צוויי גילדין. גיט זיא אים פיר גילדין ער זאל מיט איר מזנה זיין. ווייל ער איז זייער שיין. האט מען אים גיבראכט פאר רבי. האט רבי גיהייסען מען זאל אים אויך רופען רבי. אונ רבי האט איבער גיגעבין דעם זוהן פון רבי אלעזר צוא רבי שמעון בן איסי בן לקוניא דער ברודער פון זיין מוטער. ער זאל מיט אים לערנען תורה. אלע טאג פלעגט ער זאגין איך וועל גיין אין מיין שטאט. האט רבי שמעון גיזאגט צוא דעם קינד מען וויל דיך מאכען פאר א חכם. אונ מען וויל דיר אן טאהן א גאלדענע קלייד. אונ מען וועט דיך רופען רבי. אונ דוא זאגסט איך וועל גיין אין מיין שטאט. האט דער זוהן פון רבי אלעזר גיזאגט איך שווער איך זאל שוין דאס פאר לאזין. איך וועל שוין ניט מער זאגין איך וויל גיין אין מיין שטאט. אז דער זוהן פון רבי אלעזר איז גרוים גיווארין. איז ער גיזעסין אין דער ישיבה פון רבי. האט רבי גיהערט זיין קול. האט רבי גיזאגט דער קול איז גלייך צו דעם קול פון רבי אלעזר ברבי שמעון. האט מען גיזאגט צוא רבי ער איז א זוהן פון רבי אלעזר. האט ער אויף אים גילייענט דעם פסוק פרי צדיק עץ חיים ולוקח נפשות חכם. דיא פרוכט פון צדיק ודיא קינדער פון צדיקו איז א בוים פון לעבין דאס מיינט מען רבי יוסי דער זוהן פון רבי אלעזר ברבי שמעון. אונ דער וואס

בן לקוניא כי נח נפשיה אמטיוהו למערתא דאבוה הוה הדרא לה עכנא למערתא אמרו לה עכנא עכנא פתחי פיך ויכנס בן אצל אביו לא פתחה להם כסבורים העם לומר שזה גדול מזה יצתה בת קול ואמרה לא מפני שזה גדול מזה זה היה בצער מערה וזה לא היה בצער מערה:

ח איקלע רבי לאתריה דרבי טרפון אמר להו יש בן לאותו צדיק שהיה מקפח את בניו אמרו לו בן אין לו בת יש לו וכל זונה שנשכרת בב' שוכרתו בארבע אתיוהו לקמיה א"ל אי הדרת בך יהיבנא לך ברתאי הדר ביה א"ד נסבה וגרשה א"ד לא נסבה כלל כדי שלא יאמרו בשביל זו חזר זה ולמה ליה כולי האי דאמר רב יהודה אמר רב ואמרי לה א"ר חייא בר אבא א"ר [יוחנן ואמרי לה א"ר שמואל בר נחמני א"ר] יונתן כל המלמד את בן חבירו תורה זוכה ויושב בישיבה של מעלה שנאמר (ירמיה טו) אם תשוב ואשיבך לפני תעמוד כל המלמד את בן עם הארץ תורה אפילו

שמלמדו תורה קורהו לבן: לער מערה. שנזכתלו שם רשב"י ורבי אלעזר בנו י"ג שנה במסכת שבת: שמקפת את בניו. שהיה רגיל לומר אקפח את בני כשנשבע: ורבי למה ליה כולי האי. לחזור על בני אחרים לשאול אם יש לו בן: אם תשוב. ישראל למוטב בהוכחתך: ואשיבך אלי ולפני תעמוד.

קויפט נפשות איז אהבם. דאס איז רבי שמעון בן איסי בן לקוניא וואס ער האט גילערנט תורה מיט דעם זוהן פון רבי אלעזר. אונ אז מען לערונט תורה מיט אפרעמדין קינד איז גלייך וויא ער וואלט אים גיקויפט פאר אזוהן. אז דער זוהן פון רבי אלעזר איז גישטארבין האט מען אים גיוואלט אריין טראגין אין דער מערה צוא זיין פאטער. האט אשלאנג ארומגערינגילט דיא מערה אונ האט אריין גינומען דעם וויידול אין מויל. האט מען ניט גיקענט אריין גיין אין דיא מערה: האט מען גיזאגט צום שלאנג. שלאנג שלאנג העפין דיין מויל אונ נעם ארויס דעם וויידול פון מויל. וועט אריין גיין דער זוהן צום פאטער. האט דער שלאנג ניט גיהעפינט. האט דאס פאלק גיוואלט זאגין אז רבי אלעזר איז גרעסער וויא זיין זוהן. איז ארויס גיגאנגען אקול פון הימעל אונ האט גיזאגט. נישט ווייל דער פאטער איז גרעסער פאר דעם זוהן דריבער קען ניט דער זוהן אריין קומען אין דיא מערה. זייא זענען ביידע גלייך: נאר ווייל רבי אלעזר האט אמאהל גיהאט צער אין דער מערה ווער האט גילערנט מיט זיין פאטער דרייצעהן יאהר אין דער מערה) דריבער איז ער זוכה צו ליגען אין דיא מערה. אבער דער זוהן האט קיין מאהל ניט גיהאט צער אין דער מערה. דריבער איז ער ניט זוכה צוא ליגען אין דער מערה:

ח איקלע. רבי איז אמאהל גיקומען אין דיא שטאט ווא רבי טרפון האט גיוואונט. האט ער גיפרעגט ביא דיא מענטשין פון שטאט האט דער צדיק רבי טרפון גילאזין אזוהן. ווארום רבי טרפון פלעגט אלע מאהל שווערין ביא זיינע קינדער. האבען דיא מענטשין פון שטאט גיזאגט צו רבי אזוהן האט ער ניט. אזוהן פון אטאכטער [אאייניקיל] איז דא אונ דיא זונה וואס פאר דינגט זיך צום מזנה זיין מיט איר פאר צוויא גילדין. גיט זיא אים פיר גילדין ער זאל מיט איר מזנה זיין. ווייל ער איז גיוועזען שיין. האט מען דעם אייניקול גיבראכט פאר רבי. האט רבי צוא אים גזאגט אויב דו וועסט תשובה טאהן וועל איך דיר געבין מיין טאכטער פאר אווייב. האט ער תשובה גיטאהן. אנדערע זאגין ער האט טאקי חתונה גיהאט מיט דיא טאכטער פון רבי. נאר ער האט איר גיגט. אנדערע זאגין ער האט מיט איר ניט חתונה גיהאט. מען זאל ניט זאגין ער האט תשובה גיטאהן דורך דיא ווייב. פרעגט דיא גמרא פאר וואס האט רבי אזוי נאך גיזוכט אויף דיא קינדער פון דיא תנאים זייא פרום צו מאכין. האט רב יהודה גזאגט פון רבם וועגין. אנדערע זאגין רבי חייא בר אבא האט גזאגט פון רבי יוחנן וועגין. אנדערע זאגין רבי שמואל בר נחמני האט גזאגט פון רבי יונתן וועגין. דער וואס לערינט תורה מיט זיין חברס זוהן איז ער זוכה צו זיצען אין דער ישיבה וואס אין הימעל: אזוי וויא עס שטייט אין פסוק גאט האט גזאגט צו ירמיה הנביא אויב דו וועסט צוריק קערין דיא יודין צו מיר. וועל איך דיך

אפילו הקב"ה גוזר גזירה מבטלה בשבילו שנאי (ירמיה טו) ואם תוציא יקר מזולל כפי תהיה:

ט א"ר פרנך א"ר יוחנן כל שהוא ת"ח ובנו ת"ח ובן בנו ת"ח שוב אין תורה פוסקת מזרעו לעולם שנאמר (ישעיה נט) ואני זאת בריתי אותם אמר וגו' לא ימושו מפיך ומפי זרעך ומפי זרע זרעך אמר ה' מעתה ועד עולם. מאי אמר ה' אמר הקב"ה אני ערב לך בדבר זה מאי מעתה ועד עולם אמר רבי ירמיה מכאן ואילך התורה מחזרת על אכסניא שלה:

י רב יוסף יתיב ארבעין תעניתא ואקריוה לא ימושו מפיך יתיב מ' תעניתא אחרינא ואקריוה לא ימושו מפיך ומפי זרעך יתיב מאה") תעניתא אחרינא ואקריות לא ימושו מפיך ומפי זרעך ומפי זרע זרעך אמר מכאן ואילך לא צריכנא תורה מחזרת על אכסניא שלה:

יא רבי זירא כי סליק לארעא דישראל יתיב מאה תעניתא דלישכח תלמודא דבבלאה מיניה כי היכי דלא נטרדיה יתיב ק' תעניתא אחרנייתא דלא לישכוב

(") רש"ל גריס מ'

הקב"ה אמר לי שאעמוד ואתקיים לפניו אם אוכל להשיבכם: יקר מזולל. תלמיד חכם מעם הארץ: מפיך ומפי וגו' אמר ה' גו'. הקב"ה אמר כן אני ערב מעתה שלא ימוש עד עולם: ארבעין תעניתא. שלא תפסוק תורה מזרעו:

תלמודא דבבלאה. גמרא שלנו: דלא נטרדיה. כשעלה לא"י ללמוד מפי רבי יוחנן והאמוראים שבא"י לא היו בני מחלוקת ונוחין זה לזה כשמן כדאמרי' בסנהדרין ומיישבין את הטעמים בלא קושיות ופירוקין:

צו ריק קערין צו מיר אונ דו וועסט שטיין פאר מיר. דער וואס לערונט תורה מיט אזוהן פון אעם הארץ. אפילו גאט איז גוזר אשלעכטע גזרה, איז ער זיא מבטל פון זיינעטוועגין. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אויב דו וועסט אויסציהען טייער פון פראסט ופון אעם הארץ וועסטו מאכין אלמדן. זאגט גאט וועסטו זיין אזוי וויא מיין מויל:

ט אמר, רבי פרנך האט גזאגט פון רבי יוחנן וועגין אז ער איז אתלמיד חכם. אונ זיין זוהן איז אתלמיד חכם. אונ זיין אייניקול איז אתלמיד חכם. וועט שוין דיא תורה קיין מאהל ניט אוועק גיין פון זיינע קינדער. וועלין שוין אלע דורות זיין תלמידי חכמים. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק גאט האט גזאגט איך מאך מיט זייא אפאר בינדונג אז דיא תורה וועט ניט אפ גיטאהן ווערין פון דיין מויל אונ פון דעם מויל פון דיינע קינדער אונ פון דעם מויל פון דיינע קינדערס קינדער. האט גאט גזאגט פון איצט ביז אייביג. וואס האט גאט גזאגט. גאט האט גזאגט איך בין דיר ערב (איך גראנאטיר דירו) אויף דער זאך. וואס מיינט מען פון איצט ביז אייביג. האט רבי ירמיה גזאגט פון דריטען דור אונ ווייטער גייט שוין דיא תורה אין איר גאסט הויז. אזוי וויא זיא איז ביז איצט גיוועזן ביי דיא עלטערין. אזוי וועט זיא זיין ווייטער ביי דיא קינדער:

י רב יוסף האט גיפאסט פערציג תעניתים דיא תורה זאל ניט אוועק גיין פון זיינע קינדער. האט מען אים גימאכט לייענען אין חלום דעם פסוק לא ימושו מפיך. דיא תורה וועט ניט אפ גיטאהן ווערין פון דיין מויל. האט ער גיפאכט נאך פערציג טעג האט מען אים גימאכט לייענען אין חלום דעם פסוק דיא תורה וועט ניט אפ גיטאהן ווערין פון דיין מויל אונ ניט פון דעם מויל פון דיינע קינדער. האט ער גיפאסט נאך פערציג טעג. האט מען אים גימאכט לייענען אין חלום דעם פסוק דיא תורה וועט ניט אפ גיטאהן ווערין פון דיין מויל אונ ניט פון דעם מויל פון דיינע קינדער אונ ניט פון דעם מויל פון דיינע קינדערס קינדער. האט רב יוסף גזאגט פון דריטען דור אונ ווייטער דארף איך שוין ניט בעטין. ווארום דיא תורה גייט אין איר גאסט הויז:

יא רבי זירא אז ער איז גיקומען אין ארץ ישראל האט ער גיפאסט הונדערט טעג פון אים זאל פאר געסין ווערין דיא גמרא וואס ער האט גילערונט אין בבל. עס זאל אים ניט מישען אין קאפ דיא גמרא פון בבל צו זאמען מיט דיא גמרא פון ארץ ישראל. דער נאך האט

לישכוב רבי אלעזר בשניה ונופלין עילויה מילי דצבורא ויתיב ק' אחריני דלא נשלוט ביה נורא דגיהנם כל תלתין יומין הוה בדק נפשיה שגר תנורא סליק ויתיב בגויה ולא הוה ש טה ביה נורא יומא חד יהבו ביה רבנן עינא ואיחרכו שקיה וקרי ליה קטינא חריך שקיה :

יב אמר [רב יהודה אמר רב] (ירמיה ט) מי האיש החכם ויבן את זאת [ואשר דבר פי ה' אליו ויגידה] על מה אבדה הארץ (דבר זה) (ע"ג) אמרו חכמים ולא פירשוהו אמרו נביאים ולא פירשוהו עד שפרשו הקב"ה בעצמו שנאמר (שם) ויאמר ה' על עזבם את תורתי אשר נתתי לפניהם אמר רב יהודה אמר רב שלא ברכו בתורה תחלה אמר רב (נהמן) [חמא] מ"ד (משלי יד) בלב נבון תנוח חכמה ובקרב כסילים תודע . בלב נבון תנוח חכמה זה ת"ח בן ת"ח . ובקרב כסילים תודע זה ת"ח בן עם הארץ . אמר עולא היינו דאמרי אינשי אסתירא בלגינא קיש קיש קריא . אמר ליה רבי ירמיה לרבי זירא מאי דכתיב (איוב ג) קטן וגדול שם הוא ועבד

קטינא חריך שקיה. דאיש גוצא הוא : דבר זה. על מה אבדה הארץ : אמרו חכמים . מי האיש החכם : אמרו הנביאים. ואשר דבר פי ה' אליו : שלא ברכו בתורה תחלה. כשהיו עוסקין בתורה לא היו מברכין לפניה וקרא יתירא דאשר נתתי לפניהם קא דריש ברכה אשר נתן לנו תורת אמת שהיא לפניה של דברי תורה וכיון דלא מברכין גלו דעתייהו שאינה מתנה חשובה להם : תודע . מודיע לכל ומתפאר בכתרה : בן עם הארץ. היינו בקרב כסילים מספחת כסילים : אסתירא בלגינא. סלע אחד בלגינא : קיש קיש קריא . מקשקש ומשמיע קול ואם היה מלא סלעים לא היה משמיע קול :

ער גיפאסט נאך הונדערט טעג רבי אלעזר זאל ניט שטארבין אין זיין צייט וועט ניט פאלין אויף אים דער פירונג פון ארץ ישראל . וועט ער זיין רוהיג צו לערנען תורה. דער נאך האט ער גיפאסט נאך הונדערט טעג עס זאל אויף אים ניט גיוועלטיגען דער פייער פון גיהנם אלע דרייסיג טעג האט ער זיך גיפרובט . ער האט אויכגיהייצט אהויבין אונ איז אריין גיגאנגען אין הויבין אונ איז גיזעסין איננהייניג אונ דער פייער האט אים ניט גיברענט . אמאהל האבען דיא רבנן אים גיגעבין אעין הרע זענען אפ גיזענקט גיווארין זיינע קניא . האט מען אים גירופין קטינא חריך שקיה . דער קליינער מיט דיא אפ גיזענקטע קניא . ווארום רבי זירא איז גיוועזן אקליינער :

יב אמר . רב יהודה האט גזאגט פון רבס וועגין עס שטייט אין פסוק ווער איז דער קלוגער מענטש ער זאל דאס פאר שטיין . אונ ווער איז דער מענטש וואס די מויל פון גאט האט צוא אים גירעט אונ ער זאל דאס זאגין . פאר וואס איז פארלארין גיווארין דיא ערד . דיא חכמים האבען גזאגט אונ האבען דאס ניט בשיידט . דיא נביאים האבען גזאגט אונ האבען דאס ניט בשיידט . ביז גאט אליין הט די זאך בשיידט . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק גאט האט גזאגט ווייל זייא האבען פאר לאזין מיין תורה וואס איך האב גיגעבין פאר זייא . רב יהודה האט גזאגט פון רבס וועגין תורה האבען זייא גילערנט . נאר פאר דעם לערנען האבען זיי ניט גימאכט קיין ברכה אויף דער תורה . רב חמא האט גזאגט עס שטייט אין פסוק אין די הארץ פון דעם פאר שטאנדיגען רוהט דיא חכמה . אונ צווישען דיא נארין ווערט זיא בעוואוסט . אין דיא הארץ פון דעם פארשטאנדיגען רוהט דיא חכמה . דאס מיינט מען אתלמיד חכם וואס ער איז אזוהן פון אתלמיד חכם . אין זיין הארץ רוהט דיא תורה . ער בערימט זיך ניט מיט איר . אונ צווישען דיא נארין ווערט בעוואוסט די חכמה . דס מיינט מען אתלמיד חכם וואס ער איז אזוהן פון אעם הארץ . ער דער ציילט פאר אלע מענטשין אז ער קען לערנען אונ בערימט זיך מיט זיין תורה . עולא זאגט דאס איז וואס מענטשין זאגען אז איין טאלער ליגט אין אקריגול קלאפט דאס . אונ דער קריגול דער ציילט פאר אלע מענטשין אז אין אים ליגט עפעס . אבער אז דער קריגול וואלט גיוועזן פול מיט געלט . וואלט נאר נ ט גיקלאפט אונ קיינער וואלט ניט וויסען אז אין דעם קריגול איז דא געלט . רבי ירמיה האט גזאגט צוא רבי זירא עס שטייט אין פסוק קליין אונ גרויס זענען דארטין אונ אקנעכט איז פרייא פון זיין בעל הבית . וואס דער ציילט איוב

ועבד חפשי מאדוניו. אטו לא ידעינן דקטן וגדול שם הוא אלא כל המקטין עצמו על דברי תורה בעה"ז נעשה גדול לעה"ב וכל המשים עצמו כעבד על ד"ת בעה"ז נעשה חפשי לעה"ב:

יג ר"ל הוה מציין מערתא דרבנן כי מטא למערתא דר' חייא איעלמה מיניה חלשא דעתיה אמר רבש"ע לא פלפלתי תורה כמותו יצתה בת קול ואמרה לו תורה כמותו פלפלת תורה כמותו לא רבצת כי הוו מינצו רבי חנינא ורבי חייא א"ל רבי חנינא לרבי חייא בהדי דידי קא מנצית ח"ו אי משתכחת תורה מישראל מהדרנא לה מפלפולי א"ל ר' חייא לרבי חנינא בהדי דידי קא מנצית דעבדי לתורה דלא תשתכח מישראל מאי עבידנא אזלינא ושדינא כיתנא וגדלינא נישבי וצידנא טביי ומאכילנא בשרייהו ליתמי ואריכנא מגילתא וכתיבנא המשה חומשי וסליקנא למתא ומקרינא חמשה ינוקי בחמשה חומשי ומתנינא שיתא ינוקא שית' סדרי ואמרנא להו עד דהדרנא ואתינא אקרו אהדדי ואתנו אהדדי ועבדי לה לתורה דלא תשתכח מישראל היינו דאמר רבי גדולים מעשה

מצ"ן מערתא דרבנן. שלא יכשלו כהנים לעבור עליהם ולהאהיל שלא תארע התקלה על ידי לדיקים: איעלמא מיניה. לא יכול למלוא מקומו: רבצת. נאתרים לשון כמרבין שדהו ומשקה: רבי חנינא. ברבי חמא: שדינא כיתנא. זורע אני זרעוני פשתן: שדינא. משליך: וגדלינא נישבי. וקולע אני ממנו רשתות ומכמורות: וצידנא טביי. ואני צד צביים: ואריכנא מגילתא. ומתקן אני בעורותיהם קלפים: וסליקנא למתא. למקום שאין מלמדי תינוקות: לחמשה ינוקי. לכל חד ספרו: ומתנינא. על פה שיתא סדרי משנה לשיתא ינוקי: אקרו אהדדי. למדו זה את זה מקראות: ואתנו אהדדי. למדו זה

ווייסען מיר דען ניט אז דארט אויף יענע וועלט איז גרוס מיט קליין גלייך. נאר אזוי מיינט מען דער וואס מאכט זיך קליין אויף דיא תורה אויף דיא וועלט. ווערט ער גרויס אויף יענע וועלט. אונ דער וואס מאכט זיך וויא אקנעכט אויף דיא תורה אויף דיא וועלט. ווערט ער פרייא אויף יענע וועלט:

יג ריש לקיש פלעגט בעציייכענען אלע קעלערס וואס אינוויינינג זענען גיוועזן גישטארבענע רבנן. וויא גרויס דער קעלער איז גיוועזן אינוויינינג. האט ער אים בעצייכונט פון הויבין. אויף דעם ארט זאלין ניט גיין כהנים ווארום זייא וועלין טמא ווערין. וויא ריש לקיש איז גיקומען צוא דעם קעלער וואס אין אים איז רבי חייא גילעגין. האט ער ניט געוואוסט וואו דער קעלער איז היין געקומען. האט ריש לקיש גיהאט גרויס צער אונ הט גזאגט פר גאט רבונו של עולם האב איך דען ניט גילערונט תורה מיט אזוי אחכמה וויא רבי חייא. איז ארויס גיגאנגען אקול פון הימעל אונ האט גזאגט צוא ריש לקיש דוא האסט טאקי גילערנט תורה מיט אזוי אחכמה וויא רבי חייא. דו האסט אבער ניט גילערונט מיט אנדערע אזוי פיל תורה וויא רבי חייא. ווען רבי חנינא אונ רבי חייא האבען זיך געקריגט. האט רבי חנינא גזאגט צוא רבי חייא מיט מיר קריגסטו? ווען חס ושלום דיא תורה וועט פאר געסין ווערין פון יודין וועל איך איר צוריק דער מאנען מיט מיין חכמה. האט רבי חייא גזאגט צו רבי חנינא מיט מיר קריגסטו. איך האב גימאכט דיא תורה זאל ניט פארגעסין ווערין פון יודין. וואס האב איך גיטאהן. איך בין גיגאנגען אונ האב פר זייט פלאקס. אז דיא פלאקס איז אויף גיוואקסען האב איך גיפלאכטען פון דיא פלאקס נעצין. אונ האב גיפאנגען הערשין. אונ האב זייא גישאכטען. די פלייש פון דיא הערשין האב איך גיגעבין עסין צוא יתומים. פון דיא פעל האב איך גימאכט פארמעט אויף דיא פארמעט האב איך געשריבען דיא פינף חומשים פון דיא תורה. אונ בין גיקומען אין אשטאט וואס דארט זענען ניטא מלמדים. אונ האב גינומען פינף קינדער. אונ האב אוים גילערנט דיא פינף קינדער דיא פינף ספרים. איך האב גילערנט מיט יעדער קינד איין ספר פון דיא תורה. דער נאך האב איך גינומען זעקס קינדער אונ האב אוים גילערנט דיא זעקס קינדער דיא זעקס סדרים משניות: איך האב גילערנט מיט יעדער קינד איין סדר משניות. אונ איך האב זייא פאר זאגט ביז איך וועל נאך אמאהל קומען. זאלט איר אוים לערנען איינער דעם אנדערין דעם ספר חומש אונ דעם סדר משניות. ביז יעדער קינד זאל קענען דיא גאנצע תורה אונ דיא גאנצע משניות.

מעשה חייא א״ל רבי ישמעאל ברבי יוסי אפילו מסר א״ל אין אפילו מאבא א״ל ח״ו לא תהא כזאת בישראל. א״ר זירא אמש נראה לי ר׳ יוסי בר ר׳ חנינא אמרתי לו אצל מי אתה תקוע אמר לי אצל רבי יוחנן ורבי יוחנן אצל מי אצל רבי ינאי ורבי ינאי אצל מי אצל רבי חנינא ורבי חנינא אצל מי אצל רבי חייא אמרתי לו ורבי יוחנן אצל רבי חייא לא אמר לי באתר דזיקוקין דנורא ובעורין דאשא כאן מעייל בר נפחא לתמן. א״ר חביבא אשתעי לי רב חביבא בר סורמקי חזי ליה ההוא מרבנן דהוה שכיח אליהו גביה דלצפרא הוו שפירין עיניה ולאורתא דמיין כד מיקליין בנורא אמרי ליה מאי האי אמר לי דאמרי ליה לאליהו אחוי לי רבנן כי סלקי במתיבתא דרקיע אמר לי בכולהו מצית בהו לאיסתכולי לבר מגוהרקא דרבי חייא דלא תסתכל ביה מאי סימנייהו בכולהו אזלי מלאכי כי סלקו ונחתי לבר מגוהרקא דרבי חייא דמנפשיה סליק ונחית ולא מצאי לאוקמי אנפשאי איסתכלי ביה אתו תרי בוטיטי דנורא ומחייה להחוא גברא וסמינהו לעיניה למחר אזלי אשתטחי אמערתיה

את זה סדרו: לא תהא כזאת בישראל. לא תאמר זאת בישראל: אמש נראה לי. בחלום: תקוע. ויושב בישיבה של מעלה: ורבי יוחנן אצל רבי חייא לא: אמרתי אני וכי אין רבי יוחנן ראוי לישב אצל רבי חייא: ובעורין. תרגום דלפידים: דמלצפרא הוו שפירין עיניה. בבקר ראיתי את עיניו יפות ולערב ראיתיו דומות כאילו נשרפו באור: אמרי ליה. אמרתי לו: דאמרי. אמרתי לאליהו: גוהרקא. קתדרא: בוטיטי. גילוגות סונטליא״ש בלע״ז: מתכיתא

האב איך דאך גימאכט אז דיא תורה זאל ניט פאר געסין ווערין פון יודין. דאס איז וואס רבי האט גזאגט דיא מעשים פון חייא זענען גרוים. האט רבי ישמעאל ברבי יוסי גזאגט צו רבי זענען דיא מעשים פון רבי חייא נאך גרעסער וויא דיינע מעשים. האט רבי גזאגט יא. האט רבי ישמעאל גזאגט צוא רבי זענען דיא מעשים פון רבי חייא גרעסער וויא דיא מעשים פון מיין פאטער. האט רבי גזאגט חס ושלום אזעלכעס וועלין יודין ניט זאגין. געווים זענען דיא מעשים פון דיין פאטער גיוועזן גרעסער וויא דיא מעשים פון רבי חייא. רבי זירא האט גזאגט נעכטין ביי נאכט האב איך גיזעהן אין חלום רבי יוסי ברבי חנינא. האב איך גזאגט צוא אים נעבין וועמען זיצטו אין דער ישיבה וואס אין הימעל. האט רבי יוסי גזאגט ער זיצט נעבין רבי יוחנן. אונ רבי יוחנן זיצט נעבין רבי ינאי. אונ רבי ינאי זיצט נעבין רבי חנינא. אונ רבי חנינא זיצט נעבין רבי חייא, האב איך גזאגט צוא רבי יוסי אונ רבי יוחנן איז ניט ווערט צוא זיצען נעבין רבי חייא. האט רבי יוסי צוא מיר גזאגט אמשל. דעם שמיד דארף מען ער זאל מיט זיין בלאז זאק אויף בלאזין פייער. דאס איז נאר אז עס איז דא קליינע פונקען פייער דארף ער זייא אויף בלאזין. אבער אויף דעם ארט וואו עס זענען פונקען פייער אונ פלאמען פייער. ווער דארף דארט בריינגען דעם שמיד. אן דעם שמיד איז אויך דא גענוג פייער. אזוי דא אויף דעם ארט וואו רבי חנינא מיט רבי חייא זיצען. ווער דארף דארט צוא האבען רבי יוחנן. רב חביבא האט גזאגט מיר האט דער ציילט רב חביבא בר סורמקי איך האב גיזעהן אלמדן איינער פון די רבנן. וואס אליהו הנביא פלעגט צוא אים קומען. אין דער פ. יא האב איך גיזעהן זיינע אויגען זענען זייא גיוועזן שיין. ביי נאכט האב איך גיזעהן זיינע אויגען האבען זייא אויס גיזעהן חויא פאר ברענט אין פייער. האב איך גיפרעגט ביי דעם למדן ער זאל מיר זאגין וואס דאס איז. הט דער למדן מיר גזאגט איך האב אמאהל גזאגט צוא אליהו וויז מיר דיא רבנן ווען זייא גייען ארויף אין דער ישיבה וואס אין הימעל. האט אליהו צוא מיר גזאגט אויף אלע רבנן וועסטו קענען קוקען. נאר אויף דיא שטוהל פון רבי חייא וועסטו ניט קענען קוקען. האב איך גזאגט צוא אליהו זאג מיר אסימן איך זאל ווייסען וועלכע שטוהל איז רבי חייאס. האט אליהו גזאגט צוא מיר ביא אלע רבנן גייען מיט מלאכים ווען זייא גייען ארויף אונ ווען זייא גייען אראפ. אויסער דיא שטוהל פון רבי חייא. ער גייט אליין ארויף אונ גייט אליין אראפ. אונ איך האב מיך ניט גיקענט איין האלטען. אונ האב גיקוקט אויף רבי חייא. זענען באלד גיקומען צוויא פונקען פייער אונ האבען מיך גישלאגין אין דיא אויגען; אונ האבען בלינד גימאכט מיינע

אמערתיה אמינא מתניתא דמר מתנינא ואתסאי אליהו הוה שכיח במתיבתא דרבי יומא חד ריש ירחא הוה נגה ליה ולא אתא א"ל מ"ט נגה ליה למר אמר ליה אדאוקמינא לאברהם (ומשי) [ומשינא] ידיה ומצלי ומגנינא ליה וכן ליצחק וכן ליעקב ולוקמינהו בהדי הדדי סברי תקפי ברחמי ומייתי ליה למשיח בלא זמניה א"ל יש דוגמתן בעה"ז: א"ל איכא רבי חייא ובניו גזר רבי תעניתא ואחתינהו לרבי חייא ובניו אמר משיב הרוח ונשב זיקא אמר מוריד הגשם ואתא מטרא כי מטא למימר מחיה המתים רגש עלמא אמרי ברקיע מאן גלי רזיא בעלמא אמרי אליהו אתיוהו לאליהו מחיוהי שתין פולסי דנורא אתא אידמי להו כדובא דנורא על ביניהו וטרדינהו:

יג שמואל ירחינאה אסיה דרבי הוה חלש רבי בעיניה א"ל אימלי לך סמא א"ל לא יכילנא אשטר לך משטר אמר ליה לא יכילנא הוה מותיב ליה

דמר קא מתנינא. תוספתא של אדוני שסידר לשנה סדרים אני שונה תמיד דרבי חייא סדרה לתוספתא כדאמרי' בעלמא רבי לא שנאה רבי חייא מנא ליה ואמרינן כל מתניתא דלא מיתנייא בי רבי חייא ורבי אושעיא לא תותבו מינה בבי מדרשא: תקפי ברחמי. מרבין בתפלה: ומייתי למשיח בלא זמניה. לכך אין נתן לי רשות לבעמידן יחד: יש דוגמתן. שתפלת נשמעת תפלתן: פולסי. הכאות מלקות:
שמואל ירחינאה. הוא שמואל בר אבא הבירו של רב ועל שהיה בקי בסוד העיבור כדאמרינן במסכת ר"ה אמר שמואל יכילנא להתקין כולה גלותא קרי ליה ירחינאה: אימלי לך כמא. בתוך העין: אשטר לך משטר. אמשח לך על גב העין. משטר משיחה מולי"ר בלע"ז כדאמרינן בפסחים גבי כותח הבבלי (תומן האדומי) משטר קשטר מטבל פתו: גובתא. קנה הלול: הותי' בי כדיה. תחת מראשותיו ובוקע כח מוזק הסם והולך דרך עלם גולגלתו

אויגען. אויף מאָרגין בין איך גיגאַנגען אונ האָב מיך פאַר שפּרייט אויף דיא מַעֲרָה פון רַבִּי חִיָּא. אונ האָב גזאָגט איך לערין דיא בְּרַייתוֹת וואָס דער רַבִּי האָט גימאַכט. בין איך גיזונד גיוואָרין. אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא פלעגט אַלע מאָהל קומען אין דער יְשִׁיבָה פון רַבִּי. אַמאָהל איז גיוועזען ראֹש חודש אונ עס איז שוין שפּעט גיוועזען אונ ער איז נאָך ניט גיקומען. דער נאָך אַז ער איז גיקומען האָט רַבִּי צוא אים גזאָגט פאַר וואָס ביסטו היינט אַזוי שפּעט גיקומען. האָט אֵלִיָּהוּ גזאָגט ביז איך האָב אויף גיוועקט אַבְרָהָם אונ האָב אים גיוואַשען זיינע הענט. אונ ער האָט גידאַוונט אונ האָב אים צוריק פאַר שלעפּערט. אונ אַזוי האָב איך גיטאָהן מיט יִצְחָק. אונ אַזוי האָב איך גיטאָהן מיט יַעֲקֹב. דער וויל איז שפּעט גיוואָרין: האָט רַבִּי גיפרעגט צו אֵלִיָּהוּ פאַר וואָס האָסטו ניט אויף גיוועקט אַלע דריי מיט איין מאָהל. האָט אֵלִיָּהוּ גיזאָגט מען האָט מוֹרָא גיהאַט טאָמער וועלין זייא דאַוונען אַלע דריי מיט איין מאָהל אונ זייא וועלין שטאַרק בעטין. וועלין זייא ברייינגען מָשִׁיחַ פאַר דער צייט. דריבער האָב איך זייא גימוזט אויף וועקין איינציג וויז. האָט רַבִּי גזאָגט צוא אֵלִיָּהוּ איז דאָ אויף דער וועלט אַזוי אַגלייכען. זייא זאָלין קענען ברייינגען מָשִׁיחַ מיט זייער תְּפִלָּה. האָט אֵלִיָּהוּ גזאָגט עס איז דאָ רַבִּי חִיָּא מיט זיינע קינדער. האָט רַבִּי גוֹזֵר גיוועזען מען זאָל פאַסטען. אונ ער האָט גיהייסען רַבִּי חִיָּא מיט זיינע קינדער זאָלין גיין צום עָמוּד דאַוונען. האָט רַבִּי חִיָּא גזאָגט מַשִּׁיב הָרוּחַ. גאָט מאַכט בלאָזין אַווינט. האָט גיבלאָזין אַווינט. ער האָט גזאָגט מוֹרִיד הַגֶּשֶׁם. גאָט מאַכט נידערין רעגין. האָט גענידערט רעגין. וויא רַבִּי חִיָּא האָט גיוואָלט זאָגין מְחַיֵּה הַמֵּתִים האָט אַציטער גיטאָהן דיא וועלט. האָט מען גזאָגט אין הימעל ווער האָט אויס גזאָגט דעם סוד אויף. דער וועלט אַז רַבִּי חִיָּא מיט זיינע קינדער קענען לעבעדיג מאַכען דיא טויטע אונ ברייינגען מָשִׁיחַ פאַר דער צייט מיט זייער תְּפִלָּה. האָט מען גזאָגט אֵלִיָּהוּ האָט דאָס אויס גזאָגט. האָט מען גיברייינגט אֵלִיָּהוּ אונ מען האָט אים גישלאָגין זעכציג מַלְקוֹת מיט אַפייערדיגען שטעקין: אונ אֵלִיָּהוּ האָט זיך באַלד פאַר שטעלט וויא אַפייערדיגער בער. אונ ער איז אַריין גילאָפען אין שוּהל גישווינד צווישען דיא מענטשין. אונ האָט זייא פאַר מישט דאָס דאַוונען איז רַבִּי חִיָּא מיט זיינע קינדער שטיל גיוואָרין.

יד שְׁמוּאֵל יַרְחִינָאָה איז גיוועזען דער דאָקטאָר פון רַבִּי. אַמאָהל איז בייא רַבִּי שלאַף גיוועזען אַאויג. האָט שְׁמוּאֵל גזאָגט צוא רַבִּי איך וועל דיר אַריין שיטען אין אויג אַזוי אַפּראָשעק. האָט

ליה סמני בגובתא תותי בי סדיא ואיתסי הוה קא מצטער רבי למסמכיה ולא הוה מסתייעא מלתא א"ל לא לצטער מר לדידי חזי לי ספ"א דאדם הראשון וכתיב ביה שמואל ירחינאה (דף פו) חכים יתקרי רבי לא יתקרי ואסו דרבי על ידו תהא, רבי ורבי נתן סוף משנה רב אשי ורבינא סוף הוראה וסימניך (תהלים עג) עד אבא אל מקדשי אל אבינה לאחריתם:

טו אמר רב כהנא אשתעי לי רב חמא בר ברתיה (דחמא) [דחסא] רבה בר נחמני אגב שמדא נח נפשיה אכלי ביה קורצא בי מלכא אמרו איכא חד גברא ביהודאי דקא מבטל תריסר אלפי גברא מישראל ירחא בקייטא וירחא בסיתוא מכרגא דמלכא שדרו פריסתקא

ומותו עד עיניו: הוה מצטער רבי למסמכיה. לרפאות ומתעסק לסומכו לפי שהכם נקי היה כל כך: ולא הוה מסתייעא מלתא. שהיתה השעה נטרפת לו לא היו הסממנים מאספים: ס"א. חכים אתקרי רבי לא אתקרי: ספרא דאדם הראשון. בהראהו הקב"ה דור דור וסופריו דור דור ודורשיו דור דור וחכמיו: רבי ורבי נתן סוף משנה. כל זה כתוב לשם: סוף משנה. סוף תנאים עד ימיהן אמרו איש את דבריו בבהמ"ד והיו התלמידים גורסין שמועה שמועה לבדה ולא היו מסכתות סדורות וסדר על הסדר והם כללו האמור בדורות שלפניהם וסדרו את המסכתות ואחריהם לא הוסיפו אלא מעט: סוף הוראה. סוף כל האמוראין עד ימיהם לא היתה גמרא על הסדר אלא כשהיתה שאלה נשאלה בטעם המשנה בבהמ"ד או שאלה על מעשה המאורע בדין ממון או איסור והיתר כל אחד ואחד אומר טעמו ורב אשי ורבינא כדרו שמועות האמוראים שלפניהם וקבעו על סדר המסכתות כל א' וא' ואחד אצל המשנה הראויה השנויה לה והקשו קושיות שיש להשיב ופירוקין שראויין לתרץ בה והאמוראים שעמהם וקבעו הכל בגמרא כגון איתיביה מותיב ורמינהו איבעיא להו והתירוצין שעליהם ומה שפירשו אותם שלפניהם אותם שאמרו לפניהם הקושיות והתירוצין [שעליהם] לא קבעום בגמרא על סדר המסכתות והמשנה שסידר [רבי] וכאן רב אשי ורבינא וקבעום: וסימנך עד אבא אל מקדשי אל. מקדשי סימנא דרב אשי: אבינה. סימנא דרבינא: לאחריתם. סימן סוף הוראה:

רבה בר נחמני. בר פלוגתיה דרב יוסף: אגב שמדא נח נפשיה. מחמת אימת מלכות מת. דקא מבטל. וכו' שנקבצין אליו בניסן ובתשרי לשמוע דרשות של פסח ושל חגים וכשמבקשין שלוחי המלך לגבות המס גולגולת של כל אדם ואדם אינם מוצאים בבתיהם

רבי גזאגט איך וועל ניט קענען ליידין. האט שמואל גזאגט צוא רבי איך וועל דיר בשמירן אמאשטש אויף דעם אויג. האט רבי גזאגט איך וועל ניט קענען ליידין. האט שמואל אריין גילייגט אזוי אקרייטער אין ארעדיל אונ האט גילייגט דיא רעדיל מיט דיא קרייטער אונטער דיא קישען וואס רבי איז אויף איר גילעגין. אונ די שטארקייט פון די קרייטער איז איין גיגאנגן אין דיא קישען אונ אין קאפ פון רבי ביז אין מוח אונ אין דיא אויגען. אונ דאס האט גיהיילט דיא אויג. אונ רבי איז געזונד גיווארין. האט רבי גזאגט אז דיא חכמים זאלין רופען שמואלין רבי אונ ער זאל מעגין פסקנן דין תורות אונ שאלות. אונ רבי האט דאס ניט גיקענט אוים פירען. האט רבי גיהאט פון דעם גרויס צער. האט שמואל גזאגט צוא רבי דוא זאלסט דיך ניט מצער זיין. איך האב גיזעהן דעם ספר פון אדם הראשון וואס דארט זענען פאר שריבען אלע רבנים. שטייט דארטין שמואל ירחינאה וועט נאר גירופען ווערין חכם. אונ ניט רבי. אונ דיא היילונג פון רבי וועט זיין דורך אים. נאך שטייט דארטין אין דעם ספר רב אונ רבי נתן וועלין זיין דיא לעצטע תנאים אונ זייא וועלין מאכען דיא משניות. רב אשי אונ רבינא וועלין זיין דיא לעצטע אמוראים וואס זייא וועלין מאכען דיא גמרא. דער סימן איז דער פסוק עד אבא אל מקדשי אל אבינה לאחריתם. מקדשי איז אסימן אויף רב אשי: אבינה איז אסימן אויף רבינא. לאחריתם זייא וועלין זיין דיא לעצטע:

טו אמר. רב כהנא האט גזאגט רב חמא דער זוהן פון חסאס טאכטער האט מיר דער ציילט אז רבה בר נחמני איז גישטארבען דורך אגזרה פון שמד. מען האט אויף אים גימס"ת ביי דעם מלך אונ מען האט גזאגט עס איז דא אמענטש צווישען דיא יודין וואס ער שטערט צוועלף טויזענד יודין איין חודש זומער אונ איין חודש ווינטער זייא זאלין ניט געבין פאראטקעם צום מלך. ווארום אין דעם חודש ניסן אונ אין חודש תשרי פלעגין צוא זאמען קומען דיא יודין צוא רבה. צו הערין דיא דרשות פון פסח אונ פון סוכות אונ אז דיא עלצטע פון מלך פלעגין קומען צוא דיא יודין אין ניסן אונ אין תשרי אפ נעמען דיא מאנאטליכע פאראטקעם פלעגין זייא אין ניסן אונ אין תשרי קיינעם ניט מרעפין אין דער היים. האט דער מלך געשיקט אשליח צו רבה ער זאל קומען צוא אים. אונ מען האט אים ניט געפונען. ווארום ער איז אנטלאפען פון

בנתיהם: פריסתקא. שליח: איקלע פריסתקא. לגון באוהו פונדק שהיה רבה נחבא בו: אשקוהו הני כסא ודליוה לתכא. ושדים הממונים על הזוגות מזיקים את השותה זוגות ובני הבית לא נתכוונו לכך: אמרו לו. בני הפונדק לרבה מה נעביד: נגידי מנגדי לי׳. והם ייסרוני ביסורים אגלה: וטרקיה לבבא. בגר הדלת: פרק אשיתא. נפלה החומה: אגירדא דדיקולא. על גזע דקל קטן: אם בהרת קדמה לשער לבן טמא. דשער לבן שפרח בו הוא סימן לטומאה כדכתיב והנה נהפך שער לבן בבהרת: טכור. לפי מה שכתוב בתורה: גונדא. גדוד של

פריסתקא דמלכא אבתריה ולא אשכחיה ערק ואזיל [מפומבדיתא לאקרא] מאקרא לאגמא ומאגמא לשחין ומשחין לצריבא ומצריבא לעינא דמיא ומעינא דמיא לפומבדיתא איקלע פריסתקא דמלכא לההוא אושפיזא דרבה קריבו תכא קמיה ואשקוהו תרי כסי ודליוה לתכא מקמיה הדר פרצופה לאחוריה אמרו ליה מאי נעביד ליה גברא דמלכא הוא אמר להו קריבו תכא לקמיה ואשקוהו חד כסא ודליוה לתכא מקמיה וליתסי עבדי ליה הכי ואיתסי אמר מידע ידענא דגברא דקא בעינא הכא הוא בחיש אבתריה ואשכחיה ואמר אזלינא מהא אי מקטל קטלו להוא גברא לא מגלינא ואי נגידי מנגדין ליה מגלינא אתיוה לקמיה עייליה לאדרונא וטריקיה לבבא באנפיה בעא רחמי פרק אשיתא ערק ואזל לאגמא הוה יתיב אגירדא דדקלא וקא גריס קא מיפלגי במתיבתא דרקיעא אם בהרת קודמת לשער לבן טמא ואם שער לבן קודמת לבהרת טהור ספק הקב"ה א מר טהור וכולהו מתיבתא דרקיעא אמרי טמא אמרי מאן נוכח נוכח רבה בר נחמני דאמר רבה בר נחמני אני יחיד בנגעים אני יחיד באהלות שדרו שליח בתריה ולא הוה מצי מלאך המות למקרב ליה דלא הוה קא פסיק פומיה מגרסיה אדהכי נשיב

פוּמְבְּדִיתָא אִין אַקְרָא. אוּנ פוּן אַקְרָא אִין אַגְמָא. אוּנ פוּן אַגְמָא אִין שִׁחִין, אוּנ פוּן שִׁחִין אִין צְרִיבָא, אוּנ פוּן צְרִיבָא אִין עֵינָא דְמַיָא. אוּנ פוּן עֵינָא דְמַיָא אִין פוּמְבְּדִיתָא וְדָאס אִיז גֶעמֶען פוּן שְׁטֶעט. אוּנ עֶס קֶען זַיין אַז עֶס אִיז גִיוֶועז צְוַוייא פוּמְבְּדִיתָאס. דֶער נָאךְ הָאט גִיטְרָאפֶען אַז דֶער שָׁלִיחַ פוּן מֶלֶךְ אִיז גִיקוּמֶען אִין דֶעם גַאסְט הוֹיז וואוּ רַבָּה אִיז דָארְט גִיוֶוען בֶּעהאלְטֶען. הָאט מֶען גִישְׁטֶעלְט אַטִישׁ פַאר דֶעם שָׁלִיחַ פוּן מֶלֶךְ אוּנ מֶען הָאט אִים גִיגֶעבִּין טְרִינְקֶען צְוַוייא כּוֹסוֹת וַויין. אוּנ מֶען הָאט צוּא גֶענוּמֶען דֶעם טִישׁ פוּן אִים. וַוייל עֶר הָאט גִיט וֶוקֶען צְוַוייא כּוֹסוֹת דָס אִיז זוּגוֹת. דְרִיבֶּער הָאט זִיךְ אִים פַאר דְרֵייט דֶער פְּנִים אוֹיף אִינְטֶען: הָ בְּעֶן דִיא מֶענְטְשִׁין פוּן גַאסְט הוֹיז גִזָאגְט צוּא רַבָּה וָואס זָאל מֶען טְאהן מִיט אִים. עֶר אִיז דָאךְ אַמֶענְטְשׁ פוּן מֶלֶךְ. הָט רַבָּה צוּא זֵייא גִזָאגְט שְׁטֶעלְט צוּרִיק דֶעם טִישׁ פַאר אִים אוּנ גִיט אִים טְרִינְקֶען נָאךְ אַכּוֹס, אוּנ גֶעמְט צוּא דֶעם טִישׁ פוּן אִים. וְועט עֶר גִיזוּנְד וֶוערִין. הָאט מֶען אַזוֹי גִיטְאהן. אוּנ עֶר אִיז גֶעזוּנְד גִיוָוארִין. הָאט דֶער שָׁלִיחַ גִזָאגְט אִיךְ ווייס אַז דֶער מֶענְטְשׁ וואס אִיךְ זוּךְ אִים אִיז עֶר דָא: הָאט עֶר אִים גִזוּכְט אוּנ הָט אִים גִפוּנֶען. הָט דֶר שָׁלִיחַ גִזָאגְט אִיךְ וֶועל אַוֶועק גֵיין פוּן דַאנֶען. אוּב מֶען וֶועט מִיךְ וֶועלִין הַרְגֶנֶען וֶועל אִיךְ נִיט אוֹיס זָאגִין. אָבֶּער אַז מֶען וֶועט מִיךְ פֵּיינִיגֶען מִיט יְסוּרִים וֶועל אִיךְ אוֹיס זָאגֶן. הָט מֶען גִיבְּרַאכְט רַבָּהן פַר דֶעם שָׁלִיחַ. הָט דֶער שָׁלִיחַ אַריין גֶעפִירְט רַבָּהן אִין אַשְׁטוּבּ אוּנ עֶר הָאט פַאר שְׁלָאסִין דִיא טִיר פַאר אִים עֶר זָאל נִיט אַנְטְלוֹיפִין. הָאט רַבָּה גִיבֶּעטִין בַּייא גָאט אִיז אוֹיס גִיבְּרָאכִין גִיוָוארִין דִיא וַואנְט אוּנ עֶר אִיז אַנְטְלָאפִין אוּנ אִיז גִיגַאנְגֶען אוֹיף דֶעם פֶעלְד. אוּנ עֶר אִיז גִיזֶעסִין אוֹיף אַוָוארְצִיל פוּן אַאָפְּגִיהַאקְטִין בּוֹים אוּנ הָאט גִילֶערְנְט. דֶער וַוייל הָאט מֶען גֶעקְרִיגְט אִין דֶער יְשִׁיבָה וָואס אוֹיף דֶעם הִימֶעל אוֹיבּ דִיא נֶגַע וָואס הֵייסְט בַּהֶרֶת אִיז גִיוָוארִין פְרִיעֶר וִויא דִיא וַוייסֶע הָאר. אִיז עֶר טָמֵא. אוּנ אוֹיבּ דִיא וַוייסֶע הָאר אִיז פְרִיעֶר גִוָוארִין וִויא דֶער בַּהֶרֶת. אִיז עֶר טָהוֹר. אוֹיבּ עֶס אִיז אַסָפֵק מֶען ווייסְט נִיט וֶועלְכֶע זַאךְ אִיז פְרִיעֶר גִיקוּמִין: גָאט הָאט גִזָאגְט עֶר אִיז טָהוֹר. אוּנ דִיא גַאנְצֶע יְשִׁיבָה וואס אִין הִימֶעל הָאבֶּען גִזָאגְט עֶר אִיז טָמֵא. הָאט מֶען גִזָאגְט וֶוער וֶועט אוּנְז דֶעם אֶמֶתִין דִין זָאגִין. רַבָּה בַּר נַחְמָנִי וֶועט זָאגִין. ווארוּם רַבָּה בַּר נַחְמָנִי הָאט גִזָאגְט אִיךְ בִּין אֵיין לַמְדָן אִין נְגָעִים אוּנ אִיךְ בִּין אֵיין לַמְדָן אִין אֹהָלוֹת. הָאט מֶען גֶעשִׁיקְט דֶעם מַלְאַךְ הַמָוֶת עֶר זָאל גֵיין בְּרֵיינְגֶען רַבָּה בַּר נַחְמָנִי אוֹיף דֶעם הִימֶעל. הָאט דֶער מַלְאַךְ הַמָוֶת גִיט גִיקֶענְט צוּ גֵיין צוּ רַבָּה וַוייל זַיין מוֹיל הָאט נִיט אוֹיף

נשיב זיקא ואוושא ביני קניא סבר גונדא דפרשי הוא אמר תינח נפשיה דההוא גברא ולא ימסר בידא דמלכותא כי הוה קא ניחא נפשיה אמר טהור טהור יצאת בת קול ואמרה אשריך רבה ב"נ שגופך טהור ויצאת נשמתך בטהור נפל פיתקא מרקיע בפומבדיתא רבה בר נחמני נתבקש בישיבה של מעלה נפקי אביי וכולהו רבנן לאיעסיק ביה לא הוו ידעי דוכתיה אזלו לאגמי חזו צפרא דמטללי וקיימי אמרי ש"מ התם הוא ספדוהו תלתא יומי ותלתא לילותא נפל פיתקא כל הפורש יהא בנדוי כפדוהו שבעה יומי נפל פיתקא לכו לבתיכם לשלום. ההוא יומא דנח נפשיה דלייה זעפא ודריה לההוא טייעא כי רכיב גמלא מהאי גיסא דנהר פפא ושדייה בהך גיסא אמר מאי האי אמרו ליה נח נפשיה דרבה בר נחמני אמר לפניו רבש"ע כולי עלמא דידך הוא ורבה בר נחמני דידך הוא את דרבה ורבא דידך אמאי קא מחרבת ליה לעלמא נח זעפא:

פרשים שמחפשים אחריו: בפומבדיתא. והוא רואה ישיבה כה: מטללי. עושין צל בכנפיהם: דלי זעפא. גבה רוח סערה: את דרבה. אתה הוצנו של רבה:

רבי שמעון בן חלפתא וכו'. משום דאיירי בריש דאגדתא בבעלי בשר נקט לה: ככרין דנרד. אגודות של נרד והוא עשוי כשבלין: למארי דיכי. לבעליו של רוח זה:

טז רבי שמעון בן חלפתא בעל בשר הוה יומא חד הוה חמימא ליה הוה סליק ויתיב אשינא דטורא אמר לה לברתיה בתי הניפי עלי במניפא ואני אתן ליך ככרין דנרד אדהכי נשיב זיקא אמר כמה ככרים דנרד למארי דיכי:

גיהערט צו לערנען. דער ווייל האט אזא גיטאהן אווינט איז גיווארין אלארעם אונ אגערויש צווישען דיא שמ-קלאך. האט רבה גימיינט אמחנה רייטער פון מלך קומען אים תאפין. האט רבה גזאגט בעסער וויל איך שטארבין אונ וויל ניט איבער גיגעבין ווערין אין דיא הענט פון מלך. ווען רבה איז גישטארבין האט ער גזאגט טהור טהור (דיא זאך וואס איז גיוועזן אספק אין הימעל. איז טהור). איז ארויס גיגאנגען אקול פון הימעל אונ האט גזאגט וואהל צו דיר רבה בר נחמני דיין גוף איז טהור אונ דיין נשמה איז ארויס גיגאנגען מיט דעםווארט טהור. איז אראפ גיפאלין אקוויטול פון הימעל אין פומבדיתא רבה בר נחמני איז גירופין גיווארין ער זאל קומען אין דער ישיבה וואס אין הימעל. איז ארויס גיגאנגען אביי מיט אלע רבנן מען זאל זיך בשעפטיגען מיט זיין קבורה: מען האט אבער ניט גיוואסט דעם ארט ווא רבה ליגט. זענען זייא גיגאנגען צום ארט אגמא האבען זייא גיזעהן פון ווייטונס פיל פייגעלאך האבען זיך צו זאמען געקליבען אין דער הייך אונ זייא זענען אויף איין ארט. זייא פליהען ניט אוועק. האבען דיא רבנן גזאגט געווים דארטין ליגט רבה. האבען דיא רבנן אים מספיד גיוועזן דרייא טעג אונ דרייא נעכט. איז אראפ גיפאלין אקוויטול פון הימעל דער וואס וועט אוועק גיין פון דאנען זאל ער זיין אין חרם. האבען זייא אים מספיד גיוועזן זיבען טעג. איז אראפ גיפאלין אקוויטול פון הימעל יעדער זאל גיין אהיים לשלום. דעם טאג וואס רבה איז גישטארבין איז גיווארין אגרויסער שטורעם ווינט אונ אטערק האט גערייטען אויף אקעמיל אונ איז גישטאנען נעבין טייך פפא. האט דער ווינט אים אויף גיהויבין אונ אריבער גיווארפין אויף דיא אנדערע זייט טייך. האט דער טערק גיפרעגט פאר וואס איז היינט אזוי אגרויסער ווינט. האט מען אים גזאגט רבה בר נחמני איז גישטארבין. האט דער טערק גזאגט פאר גאט רבונו של עולם דיא גאנצע וועלט איז דיינע אונ רבה בר נחמני איז אויך דיינער. דו האסט ליב רבהן. אונ רבה האט דיך ליב. פאר וואס ווילסטו חרוב מאכין דיא וועלט. איז דער שטורעם שטיל געווארען:

טז רבי שמעון בן חלפתא איז גיוועזן אדיקער מענטש. אמאהל איז גיוועזן אהייסער טאג. איז אים שטארק הייס גיוועזן. איז ער ארויף גיגאנגען אויף אבארג אונ האט זיך דארט גיזעצט. אונ האט גזאגט צו זיין טאכטער פאכע אויף מיר מיט אפאכער וועל איך דיר געבין עטליכע בינטלאך בשמים. דער ווייל האט אנגיהויבין צו בלאזין אווינט. האט רבי שמעון גזאגט וויא פיל בינטלאך בשמים דארף מען געבין צו דעם בעל הבית פון דעם ווינט:

בשעתו. בעת מלכותו דמלך והדיוט היה: שהם בני אברהם וגו'. כשעודתו של אברהם גדולה משל שלמה כדמפרש בגמ': הללו. הקונה והסלת: לעמילן של פטמים. הלות עשויות לכסות פי הקדרות ומאוב זוהמת התבשיל: הללו. הבקר והצאן המנויים זה הפסוק: לציקי קדרה. אינו אלא למין מאכל ששמו ציקי קדרה אה"ר בלע"ז: ברבורים. תרנגולים: שאובסים אותם בע"כ. ומזהבין נהם מאכל בפיהם בחזקה: תור. שור: בדלא אנים. שלא עשה מלאכה:

(דף פג) **יז משנה** מעשה ברבי יוחנן בן מתיא שאמר לבנו צא ושכור לנו פועלים הלך ופסק להם מזונות כשבא אצל אביו א"ל בני אפילו אם אתה עושה להם כסעודת שלמה בשעתו לא יצאת ידי חובתך שהם בני אברהם יצחק ויעקב וכו': **גמ'** (דף פו ע"ב) למימרא דסעודתא דאברהם אבינו עדיפא מדשלמה והכתיב (מ"א ד) ויהי לחם שלמה ליום אחד שלשים כור סלת וששים כור קמח עשרה בקר בריאים ועשרים בקר רעי ומאה צאן לבד מאיל וצבי ויחמור וברבורים אבוסים ואמר גורין בן אסטיון משמיה דרב הללו לעמילן של טבחים ר' יצחק אומר הללו לציקי קדרה. ואמר ר' יצחק אלף נשים היו לשלמה כל אחת ואחת עשתה לו בביתה כך מאי טעמא זו סבורה שמא אצלה סועד היום וזו סבורה שמא אצלה סועד היום ואילו גבי אברהם כתי' (בראשית יח) ואל הבקר רץ אברהם ויקח בן בקר רך וטוב וא"ר יהודה אמר רב בן בקר אחד רך ב' וטוב ג' התם תלתא תורי לתלתא גברי הכא לכל ישראל ויהודה שנאמר (מ"א ד) יהודה וישראל רבים כחול אשר על שפת הים. מאי ברבורים אבוסים אמר רב שאבסים אותם בעל כרחן ושמואל אמר שאובסים. עומדים מאליהם ור' יוחנן אמר טב'איב תור מטרעיתו בדלא אנים

יז משנה. מעשה. עס האט אמאהל געטראפן אז רבי יוחנן בן מתיא האט געזאגט צו זיין זוהן גיי דינג ארבייטער פון אונזערטוועגין. איז ער געגאנגען אונ האט זייא צו געזאגט צו געבין עסין. אז ער איז געקומען צום פאטער. האט דער פאטער צו אים געזאגט מיין זוהן. אפילו דו וועסט מאכין פון זייערטוועגין אזוי אסעודה וויא שלמה המלך פלעגט מאכין אין דער צייט ווען ער איז געוועזען אמלך. האסטו נאך זייא ניט בצאהלט דעם חוב. ווארום דו דארפסט זייא געבין גוט עסין. ווייל זייא זענען דיא קינדער פון אברהם יצחק יעקב. זייערע סעודות זענען געוועזען גרעסערע וויא דיא סעודות פון שלמה המלך. פרעגט דיא גמרא וויא קענען מיר זאגין אז דיא סעודות פון אברהם אבינו זענען געוועזען גרעסער וויא דיא סעודות פון שלמה המלך. עס שטייט דאך אין פסוק דיא סעודה פון שלמה צוא איין טאג איז געוועזען דרייסיג כור פיינע מעהל; אונ זעכציג כור פראסטע מעהל. צעהן אקסין פעטע. צוואנציג אקסין געפיטערטע. הונדערט שעפסין. אויסער היות וואס מען מעג עסין. איני. ען. הערשין. יחמורים. אונ ברבורים אבוסים. אונ גורין בן אסטיון האט געזאגט פון רבס וועגין דיא מעהל איז נאר געוועזען צו מאכין פון זייא שמארצין צוא דעקין דיא טעפ. רבי יצחק זאגט דיא אלע בהמות זענען נאר געוועזען צוא איין פאטראזע וואס מען רופט דאס טאפ געבראטינס: נאך האט רבי יצחק געזאגט טויזענד ווייבער האט שלמה המלך געהאט. יעדער ווייב האט בייא זיך אין שטוב אלע טאג געמאכט אזוי אסעודה. ווארום יעדער ווייב האט געמיינט טאמער וועט היינט שלמה בייא איר עסין. אונ בייא אברהם אבינו שטייט צוא די אקסין איז אברהם געלאפין אונ ער האט גענומען בן בקר רך וטוב. אונ רב יהודה האט געזאגט פון רבס וועגין בן בקר איז איין אקס. רך איז נאך אאקס. וטוב איז אדריטער אקס. זעהן מיר דאך אז בייא דיא סעודה פון אברהם איז נאר געוועזען דרייא אקסין. ענפערט דיא גמרא בייא דיא סעודה פון אברהם איז געוועזען דרייא אקסין צוא דרייא מענטשין. אבער דא בייא שלמה איז געוועזען דיא סעודה פאר אלע יודין. אונ עס שטייט אין פסוק יהודה אונ ישראל זענען געוועזען אזוי פיל אזוי וויא דיא זאמד וואס בייא דעם ברעג ים. זאגט דיא גמרא וואס איז ברבורים אבוסים. רב זאגט דאס איז אזעלכע הענער וואס מען שטאפט אין זייא אריין דאס עסין מיט כח ביז טיף אין האלדז. אונ שמואל זאגט דאס איז אזעלכע הענער וואס שטאפין זיך אליין. רבי יוחנן זאגט מען פלעגט ברייגגען צו שלמה אאקס פון זיין פאשע וואס ער האט

אנים ותרנגולת מאשפתה בדלא אניסא אמר רבי יוחנן מובחר שבבהמות שור מובחר שבעופות תרנגולת אמר אמימר זוגתא אוכמתא בי בטניתא דמשכחתא ביני עצרי דלא מציא פסיא קניא . (בראשית יח) ואל הבקר רץ אברהם אמר רב יהודה אמר רב בן בקר אחד רך ב' וטוב ג' ואימא חד כדאמרי אינשי רכיך וטוב א"כ לכתוב רך טוב מאי וטוב ש"מ לדרשה ואימא תרי מדטוב לדרשא רך נמי לדרשה מתיב (רבא) [רבה] בר עולא ואי תימא רב הושעיא ואי תימא רבי נתן בר' אושעיא ויתן אל הנער וימהר לעשית אותו כל חד וחד יהבי לנער חד . ויקח חמאה וחלב ובן הבקר וגו' דקמא קמא דנוטיא אייתי לקמייהו ולמה לי תלתא תסגי בחד אמר רב חנן בר רבא כדי להאכילן ג' לשונות בחרדל :

יח א"ר תנחום בר חנילאי לעולם אל ישנה אדם מן המנהג שהרי משה עלה למרום ולא אכל לחם ומלאכי השרת ירדו למטה ואכלו לחם אכלו ס"ד אלא אימא נראו

בדלא אניסא . בגידול אפרוחים : זוגתא . תרנגולת : פטניתא . המפוטמת בבית . ל"א בטניתא בעלת כרס : דמשתכחי ביני עצרי . בין הגיתות ואוכלת החרצנים : דלא מציא פסיא קניא . שאינה יכולה לפסוע הקנה מרוב שמנה : קמא קמא דמטיא . ראשון שמגיע לאכול שנגמר בישולו : לשונות בחרדל . מעדן מלכים וסריס הוא :

נאך ניט געארבעט . אונ אהון פון מיסט קאכטין וואס זיא האט נאך ניט גיאדרעוועט קיין הינדלאך . רבי יוחנן זאגט דיא בעסטע פון בהמות איז אקסין פלייש . דיא בעסטע פון עופות איז אהון . אמימר זאגט אשווארצע הון מיט אגרויסין בויך וואס זיא גייט ארום צווישען דיא קעלטערס וואס מען טרעט דארט דיא וויינטרויבין אונ זיא עסט דיא קערנער . אונ זיא איז אזוי פעט אז זיא קען ניט אריבער שפרייזען איבער אשטעקיל . דיא הון איז גוט צום עסין . עס שטייט אין פסוק צו דיא אקסין איז אברהם גילאפין . רב יהודה זאגט פון רבס וועגין בן בקר איז איין אקס . רך איז נאך אאקס . וטוב איז אדריטער אקס . פרעגט דיא גמרא טאמער האט אברהם גינומען נאר איין אקס . וואס דען שטייט אין פסוק בן בקר רך וטוב . אזוי וויא מענטשין זאגען אאקס וואס ער איז יונג אונ גוט . ענטפערט דיא גמרא אויב בן בקר רך וטוב איז איין אקס . האט געדארפט שטיין בן בקר רך טוב . פאר וואס שטייט וטוב , קומט דאס צוא דרשנן ער האט גינומען אאקס וואס ער איז טוב . גוט . פרעגט דיא גמרא טאמער האט ער נאר גינומען צוויא אקסין . בן בקר רך . איז איין אקס . אונ וטוב איז נאך אאקס . ענטפערט דיא גמרא ווייל מיר דרשנן וטוב איז איין אקס . איז רך אויך איין אקס . אונ בן הבקר איז אויך איין אקס . איז דרייא אקסין . האט רבה בר עולא גיפרעגט . אנדערע זאגין רב הושעיא האט גיפרעגט . אנדערע זאגין רבי נתן ברבי אושעיא האט גיפרעגט עס שטייט דאך אין פסוק אברהם האט גיגעבין צום יונג אונ ער הט גיאיילט אים צוא מאכען . איז דאך נאר גיוועזן איין אקס . וואר ום אז עס וואלט גיוועזן מער וויא איין אקס וואלט גידארפט שטיין צוא מאכען זייא . ענטפערט דיא גמרא יעדער אקס האט ער גיגעבין צו אבזונדער יונג יעדער יונג הט פערטיג גימאכט זיין אקס . עס שטייט אין פסוק אברהם הט גענומען פוטער אונ מילך אונ דיא אקסין וואס ער האט גימאכט . ווען עס איז פריער פערטיג גיווארין האט ער גיבראכט פאר זיינע געסט זייא זאלין דאס עסין . פרעגט דיא גמרא צוא וואס האט מען גידארפט דרייא אקסין . פאר דרייא מענטשין איז גענוג איין אקס אויך . האט ר' חנן בר רבא גזאגט אברהם האט זייא גיוואלט געבין עסין דרייא צונגען מיט זענעפט :

יח אמר . רבי תנחום בר חנילאי האט גזאגט אייביג זאל אמענטש ניט ענדערין פון דעם מנהג . משה רבינו איז ארויף גיך מען אויף דעם הימעל . אונ דארט איז דער מנהג ניט צו עסין . האט ער אויך ניט גיגעסין . דיא מלאכים זענען אראפ גיקומען אויף דיא ערד . אונ דא איז אמנהג צוא עסין . האבען זייא אויך גיגעסין . פרעגט דיא גמרא האבען דען דיא מלאכים גיגעסין . נאר זאג עס האט אויס גיזעהן וויא זייא וואלטין גיגעסין . אונ געטרונקען . רב יהודה

נראו כמי שאכלו ושתו . אמר רב יהודה אמר רב כל מה שעשה אברהם למלאכי השרת בעצמו עשה הקדוש ברוך הוא לבניו בעצמו וכל מה שעשה אברהם ע"י שליח עשה הקב"ה לבניו ע"י שליח (בראשית יח) ואל הבקר רץ אברהם (במדבר יא) ורוח נסע מאת ה'. ויקח חמאה וחלב (שמות טז) הנני ממטיר לכם לחם מן השמים . והוא עומד עליהם תחת העץ (שם יז) הנני עומד לפניך שם על הצור בחורב . ואברהם הולך עמם לשלחם (שם יג) וה' הולך לפניהם יומם , יקח נא מעט מים (שם יז) והכית בצור ויצאו ממנו מים ושתה העם ופליגא דרב חמא בר' חנינא וכן תנא דבי ר' ישמעאל בשכר ג' זכו לג' בשכר חמאה וחלב זכו למן. בשכר והוא עומד עליהם זכו לעמוד הענן . בשכר יוקח נא מעט מים זכו לבארה של מרים , (בראשית יח) יקח נא מעט מים ורחצו רגליכם אמר רבי ינאי ברבי ישמעאל א"ל וכי בערביים חשדתנו שהם משתחוים לאבק רגליהם כבר יצא ממנו ישמעאל :

אלא כ'. כגון שלוים שלא בעצמו : יוקח נא מעט מים. על ידי שליח: זכו לשלש. מתנות שניתנו להם במדבר ע"י משה והכהן : זכו לעמוד הענן. עומד עליהם תמיד כדכתיב וענני עומד עליהם : לבארה של מרים. היינו נמי והכית בצור ובעמוד ענן פליגי : ורחצו רגליכם. והשענו תחת העץ שלא יכנים ע"ז בתוך ביתו שהערביים רגילים להשתחוות לאבק רגליהם וכן נדמו לו כערביים : כבר יצא ממנו ישמעאל. ממך יצא הרגיל לעשות כן :

וירא

האט גזאגט פון רבס וועגן אלץ וואס אברהם האט גיטאהן צו די מלאכים דורך זיך אליין • האט גאט גיטאהן צו זיינע קינדער אויך דורך זיך אליין. אונ אלץ וואס אברהם הט גיטאהן צו די מלאכים דורך אשליח. האט גאט גיטאהן צו זיינע קינדער אויך דורך אשליח. עס שטייט אין פסוק צו די אקסין איז אברהם אליין גילאפען. האט ער אליין גיגעבין פלייש צו די מלאכים. האט גאט אליין גיגעבין פלייש צו די יודין. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אווינט האט גיצויגען פון גאט אונ עס האט גימאכט פליהען שלוים נאזעלכע עופות. עס שטייט אין פסוק אברהם אליין האט גענומען פוטער אונ מילך. אונ האט גיגעבין צו די מלאכים. ווען יודין האבען גידארפט עסין שטייט אין פסוק גאט האט גזאגט איך וועל מאכען רעגנען צו אייך ברויט פון הימעל. עס שטייט אין פסוק אברהם איז געשטאנען נעבין די מלאכים אונטערין בוים. אונ גאט האט גזאגט צו משה איך וועל שטיין פאר דיר דארט ביי דעם שטיין אין חורב. עס שטייט אין פסוק אברהם איז גיגאנגען מיט די מלאכים זייא צו באלייטען. אונ גאט איז גיגאנגען פאר די יודין בייא טאג מיט אוואלקענדיגען זייל ביי נאכט מיט אפייערדיגען זייל. אברהם האט גזאגט עס זאל גענומען ווערין אביסול וואסער. דורך אשליח. אונ ווען יודין האבען גידארפט וואסער האט גאט גזאגט צו זיין שליח. צו משה. דוא זאלסט שלאגין דעם שטיין וועט ארויס גיין פון אים וואסער וועט דאס פאלק טרינקען. זאגט די גמרא רב קריגט אויף רב חמא ברבי חנינא. וואררום רבי חמא ברבי חנינא האט גזאגט. אונ דבי רבי ישמעאל האט אויך אזוי גזאגט פאר דרייא זאכען האבען די יודין זוכה גיווען צו דריי זאכען. פאר די פוטער אונ מילך וואס אברהם האט גיגעבין צו די מלאכים. האבען די יודין זוכה גיווען מען זאל זייא געבין עסין מן. פאר דעם וואס אברהם איז גישטאנען נעבין די מלאכים ווען זייא האבען גיגעסין. האבען די יודין זוכה גיווען אז אוואלקענדיגער זייל איז גישטאנען שטענדיג איבער זייא. פאר דעם וואס אברהם האט גזאגט עס זאל גינומען ווערין אביסעל וואסער. האבען די יודין זוכה גיווען צו דעם ברונען פון מרים וואס איז דער שטיין וואס משה האט אים גישלאגען אונ פון אים איז גיגאנגען וואסער). רב אונ רב חמא קריגען נאר אין איין זאך וואס די יודין האבען גיהאט פאר דעם וואס אברהם איז גישטאנען נעבין די מלאכים. רב זאגט פאר דעם איז גאט גישטאנען נעבין שטיין. אונ רב חמא זאגט פאר דעם הט זייא גאט בדעקט מיט די וואלקינס. עס שטייט אין פסוק אברהם האט גזאגט עס זאל גנומען ווערין אביסול וואסער אונ איר זאלט וואשען אייערע פיס. רבי ינאי ברבי ישמעאל זאגט די מלאכים האבען גזאגט צו אברהם ביסטו אונז דען חושד אז מיר זענען אבאביער וואס זיי בוקין זיך

(בראשית יח) **יט וירא** אליו ה' וגו' כחום היום מאי כחום היום אמר רבי חמא בר חנינא אותו היום יום שלישי של מילה של אברהם היה ובא הקב"ה לשאול באברהם הוציא הקב"ה חמה מנרתקה כדי שלא יטריח אותו צדיק באורחים שדריה לאליעזר למיפק לבראי נפק ולא אשכח אמר לא מהימנינא לך היינו דאמרי התם לית הימנותא בעבדי נפק איהו חזייה להקב"ה דקאי אבבא היינו דכתיב (שם) אל נא תעבור מעל עבדך כיון דחזא דקא אסר ושרי אמר לאו אורח ארעא למיקם הכא היינו דכתיב (שם) וישא עיניו וירא והנה שלשה אנשים נצבים עליו וירא וירץ לקראתם מעיקרא [אתו] קמו עליה כי חזיוהו דהוה ליה צערא אמרו לאו אורח ארעא למיקם הכא מאן נינהו ג' אנשים מיכאל וגבריאל ורפאל מיכאל שבא לבשר את שרה רפאל שבא לרפאות את אברהם גבריאל דאזיל למהפכיה לסדום והכתיב (שם יט) ויבאו שני המלאכים סדומה בערב דאזיל מיכאל בהדיה לשזביה ללוט דיקא נמי דכתיב (שם) ויהפוך את הערים האל ולא כתיב ויהפכו ש"מ, מאי שנא לגבי אברהם

פירוש: הוציא חמה מנרתקה. להזריח חמה גבה שלא יהיו עוברי דרכים מצויין: התם אמרי. בני אדם: כיון דחזא. הקב"ה: דקא אסר. אברהם את מילתו ושרי אמר לאו אורח ארעא למיקם הכא: היינו דכתיב. דמעיקרא כתיב נצבים עליו ולבסוף כתיב וירץ לקראתם: דיקא נמי. דחד הוא דאזל להפוך סדום:

צוא דיא שטוב פון זייערע פיס. פון דיר איז גיבארין גיווארין ישמעאל וואס ער וועט אזו טאהן. ער וועט זיך בוקין צו דיא שטויב פון זיינע פיס:

יט וירא. גאט איז גיזעהן גיווארין צוא אברהם כחום היום. וואס מיינט מען כחום היום. רבי חמא ברבי חנינא זאגט דער טאג איז גיוועזן דער דריטער טאג וויא אברהם האט זיך מל גיוועזן. איז גאט גיקומען צוא אברהם פרעגין וואס ער מאכט. וויא גאט האט גיזעהן אז אברהם איז נאך ניט געזונד האט גאט ארויס גענומען דיא זוהן פון איר שייד. עס זאל ווערין אגרויסע היץ וועלין מענטשין ניט גיין אין וועג וועט אברהם ניט האבען קיין בשעפטיגונג מיט פרעמדע מענטשין (כחום היום מיינט מען וויא דער טאג איז דער היצט גיווארין). האט אברהם גישיקט זיין קנעכט אליעזר ער זאל גיין זעהן טאמער גייען עפעס פרעמדע מענטשין זאל ער זיי ברייגגען אין שטוב. איז אליעזר גיגאנגען אויפען וועג אונ הט קיינעם ניט גיטראפען. האט אברהם גיזאגט צוא אליעזר איך גלויב דיר ניט. דאס איז וואס מען זאגט אין ארץ ישראל קנעכט האבען ניט קיין נאמנות. איז אברהם אליין ארויס גיגאנגען. האט ער גיזעהן וויא גאט שטייט נעבין טיר, איצט איז רעכט וואס עס שטייט אין פסוק אברהם האט גזאגט צוא גאט דוא זאלסט ניט אוועק גיין פון דיין קנעכט. ווייל גאט האט גיזעהן אז אברהם בינט צוא די מילה אונ בינט אויף דיא מילה. האט גזאגט עס איז ניט קיין דרך ארץ מען זאל דא שטיין. הט גאט גיוואלט אוועק גיין. האט אברהם אים גיבעטין ער זאל ניט אוועק גיין. איצט איז רעכט וואס עס שטייט אין פסוק אברהם הט אויף גיהויבען זיינע אויגן אונ ער הט גיזעהן דריי מענטשין שטייען נעבין אים אונ ער האט גיזעהן איז ער גילאפען אנטקעגין זיי. אז זייא זענען גישטאנען נעבין אים. צוא וואס הט ער גידארפט לויפען געגין זיי. נאר פריער זענען זיי גיקומען אונ האבן זיך גישטעלט נעבין אים. וויא זייא האבען גיזעהן אז ער האט צער פון דער מילה. האבען זייא גזאגט עס איז ניט קיין דרך ארץ דא צו שטיין. זענען זייא אוועק גיגאנגען. איז אברהם גילאפין נאך זייא אונ האט זייא צוריק גירופין. (אונ לקראתם איז ניט דער טייטש אנטקעגין זייא. נאר לקראתם איז צווייא ווערטער לקרא אותם זייא צו רופין). ווער זענען גיוועזן דיא דרייא מענטשין. דאס זענען גיוועזן דרייא מלאכים. מיכאל גבריאל רפאל. מיכאל איז גיקומען זאגין שרה אז זיא וועט האבען אזוהן. רפאל איז גיקומען היילין דיא מילה פון אברהם. גבריאל איז גיגאנגען פאר קערין סדום. פרעגט דיא גמרא עס שטייט דאך אין פסוק צווייא מלאכים זענען גיקומען אין סדום פארין נאכט. ניט גבריאל אליין. זאגט דיא גמרא מיכאל איז גיגאנגען מיט גבריאל. גבריאל איז גיגאנגען צו

קנטרא. משקל גדול שקורין קנטנ"ר מאה מנה: עובר לסוחר. מלמד שבכל מקום היה מתקבל בשקל והיכא דוכתא דקרו לקנטרין תיקלא: סלת. עדיף מקמח: מכאן שהאשה עיניה צרה באורחין. היא אמרה קמח והוא סלת: פירסה נדה. חזר לסיות

אברהם דכתיב כן תעשה כאשר דברת ומאי שנא לגבי לוט דכתיב (דף פז) (בראשית יט) ויפצר בם מאד א"ר אלעזר מכאן שמסרבין לקטן ואין מסרבין לגדול:

כ כתיב (בראשית יח) ואקחה פת לחם וכתיב ואל הבקר רץ אברהם א"ר אלעזר מכאן שהצדיקים אומרים מעט ועושים הרבה רשעים אומרים הרבה ואפילו מעט אינם עושין מנ"ל מעפרון מעיקרא כתיב (שם כג) ארץ ארבע מאות שקל כסף ובסוף כתיב (שם) וישמע אברהם אל עפרון וישקול אברהם לעפרון וגו' עובר לסוחר דלא שקיל מיניה אלא קנטרין דאיכא [דוכתא] דקרו ליה להיקלא קנטרא, כתיב קמח וכתיב סלת א"ר יצחק מכאן שהאשה עיניה צרה באורחים יותר מן האיש. כתיב (שם יח) לושי ועשי עוגות וכתיב ויקח חמאה וחלב ואילו לחם לא אייתי לקמייהו אמר אפרים מקשאה תלמידו של ר"מ משמיה דר"מ אברהם אבינו אוכל חולין בטהרה היה ושרה אמנו אותו היום פירסה נדה. (בראשית יח) ויאמרו אליו איה שרה וגומר ויאמר הנה באהל להודיע ששרה אמנו

פאר קערין סדום. אונ מיכאל איז גיגאנגען מציל זיין ורעטטין לוט. אין פסוק שטייט אויך אזוי. ויהפך את הערים האל. ער האט פארקערט דיא שטעט. אונ עס שטייט ניט ויהפכו. זייא האבען פארקערט. זעהן מיר אז נאר איינער האט פארקערט. פרעגט דיא גמרא פאר וואס בייא אברהם האבען דיא מלאכים צו אים גזאגט אזוי זאלסטו טאהן וויא דו האסט גירעט. האבען זייא אים באלד צו גזאגט אז זייא וועלין בייא אים עסין. אונ בייא לוט שטייט ער האט שטארק גיבעטין בייא זייא ביז זייא האבען גיוואלט אריין גיין צו אים. רבי אלעזר זאגט פון דאנען ווייסין מיר צו אקליינעם מענטשין לאזט מען זיך בעטין. אונ צוא אגרויסין מענטשין לאזט מען זיך ניט בעטין. נאר וואס ער פארלאנגט טוהט מען באלד:

כ כתיב. עס שטייט אין פסוק אברהם האט גזאגט איך וועל נעמען אשטיקל ברויט. ניט מער. דער נאך שטייט אין פסוק אברהם איז גילאפין צו דיא אקסין. ער זאל מאכין פאר זייא אסעודה מיט פלייש. רבי אלעזר זאגט פון דאנען זעהן מיר אז דיא צדיקים זאגין צוא ווייניג אונ טוהען פיל. אבער דיא רשעים זאגין צו פיל. אונ אפילו אביסול טוהען זייא אויך ניט. דאס ווייסין מיר פון עפרון. אין אנהייב האט עפרון גזאגט צו אברהם אשטיקל ערד וואס איז ווערט פיר הונדערט טאהלער. צווישען מיר אונ דיר איז דאס גאר ניט. דער נאך שטייט אברהם האט גיהערט וואס עפרון האט גזאגט אונ ער האט אפ גיוואגין צו עפרון פיר הונדערט טאלער אזעלכע גרויסע וואס אלע סוחרים והענדלערס נעמען דאס פאר טאלערס. עפרון האט ניט גיוואלט נעמען קיין אנדער געלט נאר קנטרין גרויסע טאלערס. עס איז דא ערטער וואס מען רופט אויף אגרויסין טאלער קנטרא. עס שטייט אין פסוק אברהם האט גזאגט צוא שרה דו זאלסט נעמען קמח סלת. קמה איז דאך פראסטע מעהל אונ סלת איז גוטע מעהל. וועלכע זאל זיא נעמען. האט רבי יצחק גזאגט פון דאנען זעהן מיר אז אאשה איז קארג צו געבין עסין אפרעמדין מענטש נאך מער וויא אמאנספערזאהן. שרה האט גזאגט מען זאל נעמען פראסטע מעהל, אונ אברהם האט גזאגט מען זאל נעמען גוטע מעהל. עס שטייט אין פסוק אברהם האט גזאגט צו שרה קנעט טייג אונ מאך קוכנס. דער נאך שטייט אברהם האט גינומען פוטער אונ מילך אונ האט גגעבין פאר זייא צום עסין. פאר וואס האט ער ניט גיבראכט פאר זייא דיא קוכנס. האט אפרים מקשאה דער תלמיד פון רבי מאיר גזאגט פון רבי מאירס וועגין אברהם אבינו האט גיגעסין זיין פראסטע עסין אויך מיט ריינקייט. אונ אונזער מוטער שרה האט דעם טאג גיזעהן דם נדה. איז זיא טמא גיווארין אונ דיא טייג איז אויך טמא גיווארין. דריבער האט אברהם ניט גיוואלט געבין עסין דיא טייג ודיא קוכנס. עס שטייט אין פסוק דיא מלאכים

אמנו צנועה היתה אמר רב יהודה אמר רב ואיתימא רבי יצחק יודעים היו מלאכי השרת ששרה אמנו באהל היתה אלא מאי באהל כדי לחבבה על בעלה רבי יוסי ברבי חנינא אמר כדי לשגר לה כוס של ברכה, תניא משום ר' יוסי למה נקוד על איו שבאליו למדה תורה דרך ארץ שישאל אדם באכסניא שלו והאמר שמואל אין שואלין בשלום אשה כלל על ידי בעלה שאני:

לה אורח כנשים: כדי לחבבה על בעלה. להודיע שהיא צנועה משאר חברותיה שאינה נראית וצריך לשאול אחריה: על איו שבאליו. איו שלו נקוד והלמ"ד אינה נקודה: למדה תורה וכו'. והיינו נקודה איו דלא היו צריכין לשאול דיודעין היו שהיא באהל דכל נקודה עוקרת התיבה שאינה אלא לדרשה ודרוש מינה דרך ארץ: באכסניא. אחת אושפיזא: ע"י בעלה. לא שישאל לה בשלום אלא לבעלה ישאל משלום הגבירה:

קמטין. פרנצא"ש: היא אמרה ואדוני זקן. א"ל

(בראשית יח) **בא אחרי** בלותי היתה לי עדנה אמר רב חסדא אחר שנתבלה הבשר ורבו הקמטים נתעדן הבשר ונתפשטו הקמטים וחזר היופי למקומו. כתיב (שם) ואדוני זקן וכתיב ואני זקנתי דלא מותיב הקב"ה כדקאמרה איהי תנא דבי רבי ישמעאל גדול השלום שאפילו הקב"ה שינה בו שנאמר ותצחק שרה וגו' ואדוני זקן וכתיב ויאמר ה' אל אברהם וגו' ואני זקנתי. (שם כא) ותאמר מי מלל לאברהם היניקה בנים שרה כמה בנים היניקה שרה א"ר לוי אותו היום שגמל אברהם את יצחק בנו

האבען גזאגט צו אברהם ווא איז שרה. האט אברהם גזאגט. זיא איז אין גיצעלט. דיא מלאכים האבען גיוואלט ווייזען אברהם אז זיין ווייב שרה איז אפרומע. זיא קומט ניט צווישען מאנסלייט (ווארום מען האט דאך גימיינט אז זייא זענען מענטשען). רב יהודה האט גזאגט פון רבס וועגין. אנדערע זאגין רבי יצחק האט גזאגט. דיא מלאכים האבען גיוואסט אז אונזער מוטער שרה איז גיוועזען אין גיצעלט. נאר צו וואס דען האבען זייא גידארפט אז אברהם זאל זאגין זיא איז אין גיצעלט. איר ליב צו מאכין אויף איר מאן אז זיא איז פרום אונ קומט ניט צווישען מאנסלייט: רבי יוסי ברבי חנינא האט גזאגט דריבער האבען זייא גיפרעגט ווא שרה איז. זייא האבען איר גיוואלט שיקען אכוס פון בענטשין. מיר האבען גילערונט פון רבי יוסים וועגין פאר וואס איז גיפינטולט דער אי"ו פון דעם ווארט אליו. ווייל דיא תורה לערונט אונז דרך ארץ אז אמענטש קומט אין אגאכט הויז זאל ער פרעגין דעם מאן וואס מאכט זיין ווייב אונ זאל פרעגין דיא ווייב וואס מאכט איר מאן. דריבער האבען דיא מלאכים גיפרעגט בייא אברהם ווא איז דיין ווייב שרה. אונ בייא שרה האבען זייא גיפרעגט איו. ווא איז ער. ווא איז אברהם. פרעגט דיא גמרא שמואל האט דאך גזאגט מען טאר ניט פרעגין אויף אאשה וואס זיא מאכט. ענפערט דיא גמרא מען טאר ניט פרעגין בייא דיא אשה וואס זיא מאכט. אבער מען מעג פרעגין בייא דעם מאן וואס זיין ווייב מאכט. אונ מען מעג פרעגין בייא דיא ווייב וואס איר מאן מאכט:

בא אחרי בלותי היתה לי עדנה. רב חסדא זאגט אזוי האט שרה גזאגט דער נאך וויא מיין לייב איז שוין אלט גיווארין. אונ מיין לייב איז פול מיט קנייטשען. זאל מיין לייב צוריק יונג ווערין אונ דיא קנייטשען זאלין אויס גיגלייכט ווערין. אונ מיין שיינקייט זאל צוריק קומען. פרעגט דיא גמרא עס שטייט אין פסוק שרה האט גזאגט מיין האר איז אלט. אונ גאט האט גזאגט פאר אברהם אז שרה האט גזאגט איך בין אלט. האט דאך גאט ניט גזאגט וויא זיא האט גזאגט. דבי רבי ישמעאל האט גילערונט שלום איז גרויס אפילו גאט האט גיענדערט דעם אמת נאר עס זאל זיין שלום. ווארום עס שטייט אין פסוק שרה האט גילאכט אונ האט גזאגט מיין האר (דאס איז אברהם) איז שוין אלט. קען דען זיין אז איך זאל נאך גיבארין קינדער. אבער גאט האט ניט גיוואלט עס זאל זיין אקריג. (ווארום אברהם וועט זיין בייז אויף שרה פאר וואס זיא האט גזאגט אז ער קען שוין ניט האבען קינדער). דריבער האט גאט גיענדערט אונ האט גזאגט צו אברהם אז שרה האט גזאגט אויף זיך אליין איך בין שוין אלט צו האבען קינדער. עס שטייט אין פסוק שרה האט גזאגט ווער האט גירעט צו אברהם אז שרה וועט זייגין קינדער.

בנו עשה סעודה גדולה היו כל אוה"ע מרננים ואומרים ראיתם זקן וזקנה שהביאו אסופי מן השוק ואומרים בננו הוא ולא עוד אלא שעושין משתה גדול להעמיד דבריהם מה עשה אברהם אבינו הלך וזימן כל גדולי הדור ושרה אמנו זימנה את נשותיהם וכל אחת ואחת הביאה בנה עמה ומניקתה לא הביאה ונעשה נס בשרה אמנו ונפתחו דדיה כשתי מעינות והניקה את כלם ועדיין היו מרננים ואומרים אם שרה הבת תשעים שנה תלד אברהם בן ק' שנה יוליד מיד נהפך קלסתר פנים של יצחק ונהפך [ונדמה] לאברהם פתחו כולם ואמרו (בראשית כה) אברהם הוליד את יצחק:

יקדוש ב"ה שהיא אמרה ואני זקנתי: אסופי. ילד מן השוק ולא נודע בן מי ומוצאו אספו אל הבית: בעא רחמי. כדי שיכירו בינו ובין בנו: בעא רחמי והוה חולשא. שיחלה האדם לפני מותו ויצוה לביתו:

כב עד אברהם לא הוה זקנה מאן דהוה בעי למשתעי בהדי אברהם משתעי בהדי יצחק בהדי יצחק משתעי בהדי אברהם אתא אברהם בעי רחמי והוה זקנה שנאמר (בראשית כד) ואברהם זקן בא ימים. עד יעקב לא הוה חולשא אתא יעקב בעא רחמי והוה חולשא שנאמר (בראשית מח) ויאמר ליוסף הנה אביך חולה עד דאתא אלישע לא הוה דחליש ואתפח אתא אלישע בעי רחמי ואתפח שנאמר (מ"ב יג) ואלישע

פרעגט דיא גמרא וויא פיל קינדער האט דען שרה געזייגט. נאר איינעם. דארף דאך ניט שטיין קינדער. נאר עס דארף שטיין שרה וועט זייגן אקינד; האט רבי לוי גזאגט דעם טאג וואס אברהם האט אנטוועינט זיין זוהן יצחק האט ער גימאכט אגרויסע סעודה. האבען אלע פעלקער גילאכט און האבען גזאגט דיא צוויא אלטע לייט האבען גיפונען אקינד אין גאס און האבען אים אריין גינומען צו זיך אין שטוב און זייא זאגין דאס איז אונזער זוהן; און זייא מאכין נאך אסעודה אגרויסע. צו פאר שטארקין זייערע רייד אז דער קינד איז זייערער. וואס האט אברהם גיטאהן האט ער גיבעטין צו דיא סעודה אלע גרעסטע לייט. און שרה האט גיבעטין זייערע ווייבער. און יעדעס ווייב האט מיט גיברייננט איר זייגענדיגעס קינד. און דיא האמען האבען זייא ניט גיברייננט. און דיא קינדער האבען גיוואלט זייגין. איז גיווארין א נס ביי אונזער מוטער שרה. אז אירע בריסט זענען גיעפינט גיווארין אזוי וויא צוויא קוואלין און זיא האט אן גיזייגט אלע קינדער. האבען דיא פעלקער נאך גיהאט צוא ריידין. און זייא האבען גזאגט שרה וואס זיא איז אלט ניינציג יאהר האט זיא טאקי געבארין דאס קינד. אבער דאס קינד איז ניט פון אברהם. ווארום אברהם איז שוין אלט הונדערט יאהר. האט גאט גימאכט אז דער פנים פון יצחק זאל זיין גלייך צום פנים פון אברהם; האבען אלע מודה גיוועזן אז יצחק איז גיבארין פון אברהם:

כב עד. ביז אברהם אבינו איז קיין מענטש ניט אלט גיוועזן. ווער עס האט גיוואלט שמועסין מיט אברהם. האט ער גישמועסט מיט יצחק. און ווער עס האט גיוואלט שמועסין מיט יצחק האט ער גישמועסט מיט אברהם. ווייל מען האט ניט דער קענט וועלכער איז אברהם און וועלכער איז יצחק. האט אברהם גיבעטין ביי גאט איז גיווארין אעלטער. האט מען שוין גיוואסט דער עלטערער איז אברהם און דער יינגערער איז יצחק. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אברהם איז גיוועזן אלט ער איז גיקומען אין יאהרין. ביז יעקב איז קיין מענטש ניט קראנק גיוועזן. נאר מען איז פלוצלונג גישטארבין. איז גיקומען יעקב און האט גיבעטין ביי גאט אז מען זאל קראנק ווערין פאר דעם שטארבין. דער מענטש זאל זאגין ווידוי און מאכין אצוואה פאר זיין שטארבין; אזוי וויא עס שטייט אין פסוק מען האט גזאגט צוא יוסף דיין פאטער איז קראנק. ביז אלישע הנביא איז ניט גיוועזן מען זאל קראנק ווערין און גיזונד ווערין נאר פאר דעם שטארבין איז מען קראנק גיווארין. און וויא אלישע איז גיקומען האט ער גיבעטין ביי גאט מען זאל קראנק ווערין און גיזונד ווערין. דער מענטש זאל אין מיטען זיינע יאהרין אויך תשובה טאהן; אזוי וויא עס שטייט אין פסוק און אלישע איז קראנק גיווארין זיין קראנקייט וואס ער האט

ואלישע חלה את חליו אשר ימות בו מכלל דחלה חולי אחריתי. ת"ר שלשה חלאים חלה אלישע אחד שדחפו לגיחזי בשתי ידיו ואחד שגירה דובים בתינוקות ואחד שמת בו שנא' ואלישע חלה את חליו אשר ימות בו:

(דף פט) **כג תניא** מפני מה הרבו חנויות של בית היני ג' שנים קודם ירושלים מפני שהעמידו דבריהם על דברי תורה שהיו אומרים (ע"ב) (דברים יד) עשר תעשר ואכלת ולא מוכר תבואת זרעך ולא לוקח:

(דף צג) **כד וההוא** רעיא דהוה קא רעי חיותא אגודא דנהר פפא שריג חדא מינייהו ונפלת למיא אתא לקמיה דרבה ופטריה אמר מאי הוי ליה למעבד (ע"ב) הא נטר כדנטרי אינשי אמר ליה אביי אלא מעתה על למתא בעידנא דעיילי אינשי הכי נמי דפטור אמר ליה אין וכו') איתיביה אלו הם אונסים ששומר שכר פטור עליהם כגון (איוב א) ותפול שבא ותקחם ואת הנערים הכו לפי חרב א"ל התם בחזני מתא

ואלישע. ונתרפא: הגיו אחר ימות בו. מכלל דחלה עוד אלא מה בו:
של בית היני. שם מקום: שהעמידו דבריהם. כלומר מה שאסור מדברי חכמים מצאו לו סיוע מן התורה: עשר תעשר ואכלת. הרי קראי דסמיכי להדדי:
[חיותא. בהמות: שריג. החליקה: הא נטר כדנטרי אינשי. ואין אבידה אלא אונס]: בחזני מתא. שומרי העיר בלילה שכל שמך אנשי העיר עליהם לשמור גופם וממונם הנהו ודאי כעו נטירותא יתירתא:

גידארפט פון איר שטארבין. זעהן מיר אז ער איז שוין אמאהל קראנק גיוועזן איין אנדער קראנקהייט וואס ער איז פון דיא קראנקהייט געזונד גיווארין. דיא רבנן האבען גילערנט דרייא מאהל איז אלישע קראנק גיוועזן. איין מאהל ווייל ער האט אוועק גישטויסין זיין קנעכט גיחזי פון זיך מיט ביידע הענט. דאס אנדערע קראנקהייט ווייל ער האט אנגערייצט בערין אויף דיא קינדער. אונ דאס דריטע קראנקהייט וואס פון איר איז ער גישטארבין. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אלישע איז קראנק גיווארין זיין קראנקהייט וואס ער האט גידארפט פון איר שטארבין:

כג תניא. מיר האבען גילערנט פאר וואס זענען דיא קראמען פון דיא שטאט היני חרוב גיווארין דרייא יאהר פריער וויא ירושלים איז חרוב גיווארין. ווייל וואס דיא חכמים האבען גיאסרת האבען זייא גיזוכט צו לערנען פון דיא תורה מתיר צו זיין. זייא פלעגין זאגין עס שטייט אין פסוק עשר תעשר ואכלת. דו זאלסט מעשרין דיינע תבואה אונ עסין. אבער אז מען וויל דיא תבואה פאר קויפין דארף מען ניט מעשרין. נאך שטייט אין פסוק תבואת זרעך. דיא תבואה וואס דו האסט אליין פאר זייט זאלסטו מעשרין. אבער דיא תבואה וואס דו האסט גיקויפט זאלסטו ניט מעשרין. אונ דיא חכמים זאגין אז אלע תבואה דארף מען מעשרין:

כד ההוא. עס איז גיוועזן א פאסטוך וואס ער האט געפיטערט דיא בהמות ביים ברעג פון טייך פפא. האט זיך איין בהמה אויס געגליטשט אונ איז אריין גיפאלין אין וואסער. איז ער גיקומען פאר רבה האט רבה גזאגט ער דארף ניט בצאהלין. וואס האט דער פאסטוך גיזאלט טאהן ער האט געהיט אזוי וויא אלע מענטשין היטען. האט אביי גזאגט צו רבה אז דער פאסטוך וואלט גיגאנגען אין שטאט אריין אין דער צייט ווען אלע מענטשין גייען פון פעלד אין שטאט אריין אונ דיא בהמה וואלט אריין גיפאלין אין טייך. וואלסטו אויך זאגין אז דער פאסטוך איז פטור. האט רבה גזאגט יא דער פאסטוך וואלט טאקי פטור גיוועזן. פרעגט דיא גמרא מיר האבען גילערנט אויף דיא טרעפונגען איז דער וואס היט פאר געלט פטור. למשל אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ביים איוב דיא מיליטער פון דער מדינה שבא זענען גיפאלין אויף דיא פאסטיכער אונ האבען צו גינומען דיא בהמות אונ דיא יונגען האבען זייא גיהרגת מיט דיא שווערדין. אבער אויף איין אנדער טרעפונג דארפין זייא בצאהלין. ענטפערט דיא גמרא דער היטער פון דיא שטאט וואס ער דארף היטען ביי נאכט אונ דיא אלע שטאט מענטשין פארלאזין זיך נאר אויף זייא מיט זייער גאנצין פאר מעגין אונ מיט זייער לעבין: דיא היטערס מוזין גוט היטען. אונ זייא ווערין אנדערש ניט פטור סיידין זייא האט גיטראפין אזוי וויא

[דנפי קטלוהו . לא היה לו ליפול כיון : וחביל . מההמס] : כה"ג מאי . מי הוי מחס מחמת מלאכה או לא : דנפי קטלוהו . בעל בעילות הרבה ומת :

מתא איתיביה עד מתי ש״מ שכר חייב לשמור עד כדי הייתי ביום אכלני חו״ב וקרח בלילה (בראשית לא) א"ל התם נמי בחזני מתא אמר ליה אטו יעקב אבינו חזן מתא הוה דא"ל ללבן נטרי לך נטירותא יתיו׳תא כחזני מתא :

השואל פרק שמיני

(דף מ) **א ההוא** גברא דשאיל שונרא מהבריה חבור עליה עכברי וקטלוה . יתיב רב אשי (לקמיה בעיא) [וקמיבעיא] ליה כה"ג מאי כי מתה מחמת מלאכה דמי או לא א"ל רב מרדכי [לרב אשי] הכי אמר אבימי מהגרוניא משמיה דרבא גברי דנשי קטלוהו לא דינא ולא דיינא א"ד אכיל עכברי טובא וחביל ומית יתיב רב אשי וקא מעיין בה כה"ג מאי א"ל רב מרדכי לרב אשי הכי אמר אבימי מהגרוניא גברא דנשי קטלוהו לא דינא ולא דיינא :

תנן

בַּייא אִיוֹב הָאט גִיטְרָאפִין . אָבֶּער אַפַּאסְטוּךְ וָואס עֶר הִיט נָאר דִיא בְּהֵמוֹת בַּייא טָאג . וֶועלְכֶע טְרֶעפוּנג עֶס טְרֶעפְט אִים וָואס עֶר הָאט נִיט גִידַארְפְט טְרַאכְטִין אַז אַזוֹי וֶועט זַיין . אִיז עֶר פָּטוּר . פְרֶעגְט דִיא גְמָרָא מִיר הָאבֶּען גִילֶערוּנְט וְויא דַארְף זַיין דִיא הִיטוּנְג פוּן דֶעם וָואס נֶעמְט גִיצָאהְלְט פַאר זַיין הִיטוּנְג : אַזוֹי וְויא יַעֲקב אָבִינוּ הָאט גֶעהִיט . וָואס עֶר הָאט גֶזָאגְט בַּייא טָאג הָאט מִיךְ פַארְבְּרֶענְט דִיא הִיץ . בַּייא נַאכְט בִּין אִיךְ גִיפְרָארִין גִיוָוארִין פוּן קֶעלְט . עֶנְפֶערְט דִיא גְמָרָא דֶער הִיטֶער פוּן שְׁטָאט דַארְף הִיטֶען אַזוֹי וְויא יַעֲקב אָבִינוּ הָאט גֶעהִיט . הָאט אַבַּיֵי גְזָאגְט צוּ רַבָּה אִיז דֶען יַעֲקב אָבִינוּ גִיוֶוען אַשְׁטָאט הִיטֶער . פַאר וָואס דֶען הָאט עֶר אַזוֹי גוּט גֶעהִיט . הָאט רַבָּה גְזָאגְט יַעֲקב הָאט צוּא גְזָאגְט צוּ לָבָן אִיךְ וֶועל דַיינֶע שֶׁעפְּסִין אַזוֹי גוּט הִיטֶען אַזוֹי וְויא אַשְׁטָאט הִיטֶער הִיט ·

פרק שמיני

א הַהוּא . אַמֶענְטְשׁ הָאט אַמָאהְל גִיבָּארְגְט אַקַאץ בַּייא זַיין חַבֵר . וֶוענֶען אַרוֹיף גִיפַאלִין אוֹיף דִיא קַאץ פִיל מַייז אוּנ הָאבֶּען זִיא גִיהַרְגֶת . אִיז רַב אַשִׁי גִיזֶעסִין אוּנ הָאט גִיקְלֶערְט וְויא דֶער דִין אִיז . וָוארוּם דֶער מֶענְטְשׁ הָאט דָאךְ גִיבָּארְגְט דִיא קַאץ זִיא זָאל הַרְגֶן דִיא מַייז . אוּנ זִיא אִיז גִיהַרְגֶת גִיוָוארִין פוּן דִיא מַייז הֵייסְט דָאס אַזוֹי וְויא אֵיינֶער בָּארְגְט אַהַאק צוּ הַאקִין מִיט אִיר הָאלְץ . אוּנ פוּן דֶעם הַאקִין אִיז דִיא הַאק צוּ בְּרָאכִין גִיוָוארִין . דַארְף מֶען נִיט בַּצָאהְלִין פַאר דִיא הַאק . דַארְף מֶען פַאר דִיא קַאץ אוֹיךְ נִיט בַּצָאהְלִין . אָדֶער מֶען דַארְף יָא בַּצָאהְלִין פַאר דִיא קַאץ . וָוארוּם זִיא אִיז דָאךְ נִיט גִיהַרְגֶת גִיוָוארִין פוּן דֶעם וָואס זִיא הָאט גִיגֶעסִין דִיא מַייז . נָאר דִיא מַייז הָאבֶּען זִיא גִיהַרְגֶת . הָאט רַב מָרְדְכַי גְזָאגְט צוּ רַב אַשִׁי אַזוֹי הָאט גְזָאגְט אֲבִימִי פוּן הַגְרוּנְיָא פוּן רָבָא וֶוענִין אַמַאן וָואס וַוייבֶּער הָאבֶּען אִים גִיהַרְגֶת אִיז נִישְׁטָא קֵיין מִשְׁפָּט אוֹיף דִיא וַוייבֶּער . הָאט עֶר זִיךְ גִידַארְפְט שְׁטַארְקִין אוֹיף זֵייא . אַנְדֶערֶע זָאגִין אַזוֹי אִיז גִיוֶוען מִיט דִיא קַאץ . זִיא הָאט גִיגֶעסִין צוּ פִיל מַייז אִיז זִיא קְרַאנְק גִיוָוארִין אוּנ אִיז גִיפֵּייגֶערְט . אִיז רַב אַשִׁי גִיזֶעסִין אוּנ הָאט גִיקְלֶערְט אִין דֶעם דִין . אוֹיבּ מֶען דַארְף בַּצָאהְלִין פַאר דִיא קַאץ אָדֶער נֵיין . הָאט רַב מָרְדְכַי גְזָאגְט צוּ רַב אַשִׁי אַזוֹי הָאט גְזָאגְט אֲבִימִי פוּן הַגְרוּנְיָא אַמַאן וָואס הָאט מְזַנֶה גִיוֶוען מִיט פִיל וַוייבֶּער אוּנ פוּן דֶעם אִיז עֶר קְרַאנְק גִיוָוארִין אוּנ אִיז גִישְׁטָארְבִּין . אִיז אוֹיף דִיא וַוייבֶּער נִיטָא קֵיין מִשְׁפָּט . הָאט עֶר נִיט גִידַארְפְט מְזַנֶה זַיין צוּ פִיל . בַּייא דִיא קַאץ אִיז אוֹיךְ אַזוֹי הָאט זִיא נִיט גִידַארְפְט צוּ פִיל עֶסִין :

המקבל פרק תשיעי

(דף קה) **א תנן** התם פריצי זיתים וענבים ב"ש מטמאים וב"ה מטהרים מאי פריצי זיתים אמר רב הונא רשעי זיתים א"ר יוסף מאי קראה (דניאל יא) ובני פריצי עמך ינשאו להעמיד החזון ונכשלו רב נחמן בר יצחק אמר מהכא (יחזקאל יד) והוליד בן פריץ שופך דם:

(ע"ב) **ב תניא** היה נושא משאוי על ראשו ותפילין בראשו אם היו תפילין רוצצות אסור ואם לאו מותר באיזו משאוי אמרו במשאוי של ד' קבין תני רבי חייא המוציא זבל על ראשו ותפילין בראשו ה"ז לא יסלקם לצדדין ולא יקשרם במתניו מפני שהוא נוהג בהם מנהג בזיון אבל קושרם על זרועו במקום התפילין משום דבי רבי שילא אמרו אפילו מטפחת שלהן) אסור להניח על הראש שיש בו תפילין וכמה אמר אביי אפילו רבעא דרבעא דפומבדיתא:

ג ומשנה המקבל שדה מחברו ואכלה חגב או נשדפה אם מכת מדינה היא מנכה לו מן חכורו

נ"י ר"ח של להם ")

פריצי זיתים. כדמפרש רשעי זיתים וענבים שהן לעולם בוסר שאין בישולן נגמר לעולם: מטהרין. מן טומאת אוכלים דלא חזי לאכילה: רוצצות. מתמעכות תחת המשא: ואם לאו. שהוא קל או שאינו מוטל עליהם: באיזה משאוי. הוי לגולה: במקום תפילין. אבל תפילין של יד: אפילו מטפחת שלהן. שכורכין בה תפילין בלילה: אסור להניח לשם משאוי על הראש בשעה שהתפילין במקומן מונחים: וכמה. יהא במשאוי ויהא אסור להניח על הראש אלא א דרבי שילא. ריבעא דריבעא. רביע ליטרא דבר מועט הוא:

פרק תשיעי

א תנן. מיר האבען גילערונט פריצי זיתים ו ענבים בית שמאי זאגין זייא קענען טמא ווערין. אונ בית הלל זאגין. זייא זענען טהור. זייא קענען ניט טמא ווערין. וואס איז פריצי זיתים וענבים; רב הונא זאגט שלעכטע אייליבירטען אונ שלעכטע ווייניטרויבען וואס זייא ווערין קיין מאהל ניט צייטיג. רב יוסף זאגט פון וואנען ווייסען מיר אז פריצי איז דער טייטש שלעכטע. ווארום עם שטייט אין פסוק ובני פריצי עמך. דיא שלעכטע קינדער פון דיין פאלק ווערין דער הויבען ווערין אויף צוא שטעלין דיא נבואה אונ זייא ועלין געשטרויכעלט ווערין. רב נחמן בר יצחק זאגט פון דעם פסוק והוליד בן פריץ שופך דם. ער וועט געבאהרין א שלעכטין זוהן וואס פאר גיסט בלוט:

ב תניא. מיר האבען גילערונט איינער האט גיטראגען אמשוי אויף זיין קאפ. אונ תפלין טראגט ער אויך אויף זיין קאפ. אויב דיא תפלין ווערין אראפ גיקוועטשט דורך דיא משא. טאר מען ניט טראגין דיא משא אויף דיא תפלין. אונ אויב דיא משא איז גרינג אדער זיא קוועטשט ניט דיא תפלין. מעג ער טראגען צו זאמען דיא משא מיט דיא תפלין. וועלכע משא קוועטשט אראפ דיא תפלין. אמשא פון פיר קבין. אבער ווייניגער וויא פיר קבין מעג מען. רבי חייא האט גילערונט אז איינער טראגט אקארב מיסט אויף זיין קאפ. אונ ער טראגט תפלין אויף זיין קאפ. זאל ער ניט אוועק רוקען דיא תפלין אויף אזייט. אונ ער זאל ניט אראפ נעמען דיא תפלין זייא אן בינדען אויף דיא לענדין: ווייל ער פאר שעמט דיא תפלין. נאר ער זאל זייא אראפ נעמען פון קאפ אונ אן בינדען אויף דיא האנט נעבין דיא תפלין וואס אויף די האנט. פון דבי רבי שילאס וועגין האט מען גזאגט אפילו דיא בייטיל וואס דיא תפלין ליגען אין איר טאר מען אויך ניט ארויף לייגין אויף דעם קאפ ווען דיא תפלין זענען אויף דעם קאפ. האט אביי גזאגט אפילו אפערטיל פונט פון דיא וואג וואס אין פומבדיתא. טאר מען אויך ניט:

ג משנה. המקבל. ראובן האט גינומען אפעלד פון שמעון ער זאל איר אקערין אונ זייען אונ זאל אפ שניידען פון איר דיא תבואה פאר זיך. אונ צוא שמעון זאל ער געבין צעהן קארץ ווייץ איאהר ניץ געלט פון דיא ערד. אונ אהיישעריק האט אויף גיגעסין דיא תבואה פון

[לא סמו . הס מכת מדינה הוא מ:כה לו] : אבל לא זרעה . והיבסד ף וכה דכאגא לא מנכה ליס : ר' הנינא בן דוסא . כמס' תענית :

חכורו וכו' : גמ] (דף קו) אמר שמואל לא שנו אלא שזרעה וצמחה ואכלה חגב אבל לא זרעה כלל לא דא"ל אילו זרעתה הוה מקיים בי (תהלים לז) לא יבושו בעת רעה ובימי רעבון ישבעו מתיב רב ששת רועה שהיה רועה והניח עדרו ובא לעיר ובא זאב וטרף ובא ארי ודרס אין אומרים אילו היה שם היה מציל אלא אומדין אותו אם יכול לרציל חייב ואם לאו פטור ואמאי נימא ליה אי הוית התם הוה מקיים בי ") (ש"א יז) גם את הארי גם הדוב הכה עבדך משום דא"ל אי הוית חזית לאתרחושי לך ניסא הוה איתרחיש לך ניסא כרבי חנינא בן דוסא דמתיין עיזי דובי בקרנייהו ולימא ליה נהי ס"א נך")

פֶעלְד . אָדֶער דִיא - זַאנגְען זֶענֶען אוֹיס גִיקְלַאפְּט גִיוָואָרִין פוּן אַשְׁטַארְקִין ווִינְט זֶענֶען דִי קֶערנֶער אַרוֹיס גִיפַאלֶען . אוֹיבּ דִיא מַכָּה אִיז גְ וֶוען אִין דִיא מְדִינָה , דִי אַיישֶׁערִיקֶען הָאבֶּען אוֹיף גִיגֶעסִין דִי תְּבוּאָה פוּן נָאךְ פִיל פֶעלְדֶר אוֹיךְ . אָדֶער נָאךְ פִיל פֶעלְדֶער אִיז זֵייעֶרֶע תְּבוּאָה אוֹיס גִיקְלַאפְּט גִיוָואָרִין ; זָאל עֶר אִים אָפּ רֶעכֶענֶען פוּן דִיא תְּבוּאָה וָואס עֶר הָאט אִים צוּא גִיזָאגְט צוּא גֶעבִּין . לְמָשָׁל פוּן דִיא פֶעלְד וָואלְט מֶען גִידַארְפְט אַרָאפּ נֶעמֶען תְּבוּאָה פוּפְצִיג קָארְץ אַיאָהר . אוּנ עֶר דַארְף גֶעבִּין דֶעם בַּעַל הַבַּיִת לְמָשָׁל צֶעהֶן קָארְץ אוּנ אַז דֶער אַיישֶׁערִיק הָאט קַאלְיֶע גִימַאכְט לְמָשָׁל פִינְף אוּנ צְוַואנְצִיג קָארְץ וַוייץ . דַארְף עֶר נִיט מֶער גֶעבִּין דֶעם בַּעַל הַבַּיִת נָאר פִינְף קָארְץ אַיאָהר . שְׁמוּאֵל זָאגְט דָאס אִיז נָאר אַז עֶר הָאט גִיזֵייט דִיא פֶעלְד אוּנ עֶס הָאט גִיוַואקְסֶען נָאר אַאַיישֶׁערִיק הָאט אוֹיף גִיגֶעסֶען ; דַארְף עֶר אִים אָפּ רֶעכֶענֶען נָאךְ דֶעם חֶשְׁבּוֹן ווִיא פְרִיעֶר שְׁטֵייט . אָבֶּער אַז עֶר הָאט גָאר נִיט גִיזֵייט . אֲפִילוּ אַאַיישֶׁערִיק הָאט אוֹיף גִיגֶעסִין דִי תְּבוּאָה פוּן אַלֶע פֶעלְדֶער . קֶען עֶר נִיט זָאגֶען אַז אִיךְ וָואלְט גִיזֵייט וָואלְט מַיינֶע תְּבוּאָה אוֹיךְ אוֹיף גִיגֶעסֶן גִיוָואָרִין דַארְף אִיךְ דִיר נִיט בַּצָאהלֶען דִיא נִיץ גֶעלְט פוּן דַיין פֶעלְד . וָוארוּם דֶער בַּעַל הַבַּיִת קֶען צוּא אִים זָאגֶען וֶוען דוּא וָואלְסְט גִיזֵייט וָואלְט אוֹיף מִיר מְקוּיָים גִיוָואָרִין דֶער פָּסוּק זֵיי וֶועלִין זִיךְ נִיט שֶׁעמֶען אִין - דִיא שְׁלֶעכְטֶע צַייט אוּנ וֶוען עֶס וֶועט זַיין אַהוּנגֶער וֶועלִין זֵייא זַאט זַיין . הָאט רַב שֵׁשֶׁת גִיפְרֶעגְט אַפַּאסְטוּךְ וָואס הָאט גֶעפִּיטֶערְט שֶׁעפְּסִין ; אוּנ עֶר הָאט גִילָאזִין דִיא סְטַאדֶע שֶׁעפְּסִין אִין פֶעלְד אוּנ עֶר אִיז גִיקוּמֶען אִין שְׁטָאט . דֶער וַוייל אִיז גֶעקוּמֶען אַוואָלְף אִין פֶעלְד אוּנ הָאט גִיחַאפְּט אשְׁעפְּס ; אָדֶער אַלֵייבּ אִיז גֶעקוּמֶען אוּנ הָאט צוּא טְרֶעטִין אַשְׁעפְּס . זָאגִין מִיר נִיט אַז דֶער פַּאסְטוּךְ וָואלְט דֶער בַּיי גִיוֶוען וָואלְט עֶר גִיקֶענְט רַאטֶעווֶען דֶעם שֶׁעפְּס . אוּנ וַוייל עֶר אִיז אַוֶועק גִיגַאנְגֶען זָאל עֶר דַארְפִין בַּצָאהלֶען . נָאר מִיר שַׁאצֶען אָפּ דֶעם כֹּחַ פוּן דֶעם פַּאסְטוּךְ אַז עֶר אִיז אַשְׁטַארְקֶער מֶענְטְשׁ אַז עֶר וָואלְט דֶער בַּיי גִיוֶוען וָואלְט עֶר טַאקִי גִיקֶענְט רַאטֶעווֶען דֶעם שֶׁעפְּס . דַארְף עֶר בַּצָאהלֶען . אוּנ אוֹיבּ דֶער פַּאסְטוּךְ אִיז אַשְׁוַואכֶער מֶענְטְשׁ אַז עֶר וָואלְט דָארְט גִיוֶוען וָואלְט עֶר אוֹיךְ נִיט גִיקֶענְט רַאטֶעווֶען דֶעם שֶׁעפְּס . אִיז עֶר פָּטוּר . אִיז דָאךְ אַקַשְׁיָא פַאר וָואס זָאל עֶר פָּטוּר זַיין דֶער בַּעַל הַבַּיִת קֶען דָאךְ זָאגִין צוּ אִים וֶוען דוּא וָואלְסְט דָארְט גִיוֶוען וָואלְט אוֹיף דִיר מְקוּיָים גִיוָואָרִין דֶער פָּסוּק אַזוֹי ווִיא דָוִד הַמֶּלֶךְ הָט גִזָאגְט צוּא שָׁאוּל דֶעם לֵייבּ אוּנ דֶעם בֶּער הָאט דַיין קְנֶעכְט גִישְׁלָאגֶען . וָואלְט דִיר אוֹיךְ גִיטְרָאפֶען אַזוֹי אַנֵס פוּן מַיינֶעט וֶועגִין וָואלְסְט קֶענֶען רַאטֶעווֶען מַיינֶע שֶׁעפְּסִין . עֶנְפֶערְט דִיא גְמָרָא וַוייל דֶער פַּאסְטוּךְ קֶען זָאגִין צוּם בַּעַל הַבַּיִת וֶוען דוּא וָואלְסְט וֶוערְט גִיוֶוען פוּן דַיינֶעט וֶועגִין זָאל גִיטְאהן וֶוערִין נִסִים . וָואלְט דִיר גִיטְרָאפֶען אַזֶעלְכֶע נִסִים ווִיא עֶס הָט גִיטְרָאפֶען בַּיי רַבִּי חֲנִינָא בֶּן דוֹסָא זַיינֶע קָאזֶעס הָאבֶּען גִישְׁטָאכֶען דִיא בֶּערִין מִיט זֵייעֶרֶע הֶערְנֶער אוּנ דִיא בֶּערִין הָאבֶּען גִיהָאנְגֶען אוֹיף דִיא הֶערְנֶער אוּנ דִיא קָאזֶעס זֶענֶען גִיקוּמֶען מִיט דִיא בֶּערִין אִין שְׁטָאט . אוּנ אַזוֹי אַנֵס הָאט דָאךְ גִיקֶענְט זַיין אֲפִילוּ אִיךְ בִּין דָארְט נִיט גִיוֶוען . פְרֶעגְט דִיא גְמָרָא זָאל דֶער בַּעַל הַבַּיִת זָאגִין צוּם פַּאסְטוּךְ צוּא אַזוֹי אַגְרוֹיסֶען נֵס ווִיא בַּייא רַבִּי חֲנִינָא בֶּן דוֹסָא אִיז גִיוֶוען בִּין אִיךְ טַאקִי נִיט וֶוערְט . אָבֶּער טַאמֶער בִּין אִיךְ וֶוערְט אַקְלֶענֶערִין נֵס אַזוֹי ווִיא בַּיי

עהי דלניסא רבה לא הוה חזינא לניסא ז:טא (ע"ב) הזינא קשיא:

ד מתני' המקבל שדה מחבירו לזרעה שעורים לא יזרענה הטין חטין יזרענה שעורים [רשב"ג אומר: גמ' א"ר הסדא] מ"ט דרשב"ג דכתיב (צפניה ג) שארית ישראל לא יעשו עולה ולא ידברו כזב ולא ימצא בפיהם לשון תרמית:

המקבל שדה לזרעה שעורים . ובחכירות קץ קץ הפסק או שעורים או מעות לא יזרענה חטין . שהחטין מכחישות את הקרקע יותר מן השעורים : לא תזבון . לא תקנה שדה הסמוכה לעיר שעין בני העיר שולטת בה תמיד : אסור לאדם כו' . שלא יכסידנה בעין הרע ; קרובין לעיר . שלא יצא טורח להכנים פירות : ספק נדה . וכ"ש ודאי : ואמר לאו

(דף קז) ה א"ל רב יהודה לרבין בר רב נחמן רבין אחי לא תזבון ארעא דסמיכא לטתא דא"ר אבהו א"ר הונא אמר רב אסור לו לאדם שיעמוד על שדה חברו בשעה שעומדת בקמותיה איני והא אשכחינהו ר' אבא לתלמידי דרב אמר להו מאי אמר רב בהני קראי (דברים כח) ברוך אתה בעיר וברוך אתה בשדה ברוך אתה בבואך וברוך אתה בצאתך ואמרו ליה הכי אמר רב ברוך אתה בעיר שיהא ביתך סמוך לבית הכנסת ברוך אתה בשדה שיהא נכסיך קרובים לעיר. ברוך אתה בבואך שלא תמצא אשתך ספק נדה בשעת ביאתך מן הדרך. ברוך אתה בצאתך שיהו צאצאי מעיך כמותך וא"ל ר' יוחנן לא

דער המקח איז געווען. פאר וואס ביסטו ניט געווען ביי דער סטאדע. אונ אז מיר פסקנן דעמ־פאסטוך איז פטור. געווים וייל מיר זאגין נסים טרעפין ניט. נאר אלע מענטשין זענען גלייך. דריבער דא ביי דער פעלד דארפין מיר אויך אזוי זאגען אז ער וואלט גיזייט וואלט דער איישעריגע תבואה אויך אויף גגעסן. וייל נסים טרעפין ניט אונ דער בעל הבית איז ניט פרימער ווי דיא גאנצע וועלט. איז דאך אקשיא אויף שמואל:

ד משנה. המקבל. אז איינער האט גענומען ביי זיין חבר אפעלד אונ דער חבר האט מיט אים אויס גירעט ער זאל אין איר זייען גערשטין. טאר ער ניט זייען אין איר וייץ. וואריום וייץ מאכט מאגער דיא ערד מער וויא גערשטין. אבער אז דער חבר האט מיט אים איים גירעט ער זאל אין איר זייען וייץ. מעג ער אין איר זייען גערשטין. רבן שמעון בן גמליאל זאגט ער טאר ניט זייען גערשטין. רב חסדא זאגט אין דער גמרא פאר וואס אסרת רבן שמעון בן גמליאל וייל עס שטייט אין פסוק יודין וועלין ניט טאהן אומרעכט אונ וועלין ניט ריידען ליגען אונ אין זייער מויל וועט ניט געפונען ווערין קיין פאלשקייט דריבער טאר מען נישט טאהן אנדערש ווי מען רעט. אז ער האט גזאגט ער וועט זייען וייץ. מוז ער זייען וייץ: אז ער האט גזאגט ער וועט זייען גערשטין. מוז ער זייען גערשטין:

ה אמר. רב יהודה האט גזאגט צו רבין בר רב נחמן. רבין מיין ברודער זאלסט נישט קויפען אפעלד וואס איז נאנט צום שטאט. וואריום רבי אבהו האט גזאגט אז רב הונא האט גזאגט פון רבס וועגין אמענטש טאר ניט שטיין ביי זיין חברס פעלד ווען דיא תבואה איז פערטיג גיוואקסען. ער זאל נישט געבין אעין הרע. דריבער זאלסטו קויפען דיין פעלד וייט פון שטאט דיא מענטשין פון שטאט זאלין אויף איר ניט קוקען. וועלין זייא ניט געבין קיין עין הרע. פרעגט דיא גמרא עס איז דאך נישט אזוי. וואריום רבי אבא האט גיטראפען דיא תלמידים פון רב האט ער ביי זייא גיפרעגט וואס האט רב גזאגט אויף דיא פסוקים גיבענשט זאלסטו זיין אין שטאט. גיבענשט זאלסטו זיין אין פעלד. גיבענשט זאלסטו זיין אין דיין קומען. גיבענשט זאלסטו זיין אין דיין ארויס גיין. האבען דיא תלמידים פון רב גזאגט צו רבי אבא. אזוי האט רב גזאגט. גיבענשט זאלסטו זיין אין שטאט. דיין שטוב זאל זיין נאנט צו דיא שוהל. גיבענשט זאלסטו זיין אין פעלד: דיין פאר מעגין זאל זיין נאנט צו דיא שטאט. גיבענשט זאלסטו זיין אין דיין קומען אז דו וועסט קומען פון וועג זאלסטו ניט טרעפין אז דיין וייב איז אספק טאמער איז זיא אנדה. נאר זאלסט איר טרעפין געווים טהור. גיבענשט זאלסטו זיין אין דיין ארויס גיין. דאס מיינט מען דיא קינדער וואס וועלין ארויס גיין פון דיר.

אמר הכי אלא ברוך אתה בעיר שיהא בית הכסא סמוך לשלחנך אבל בית הכנסת לא ור"י לטעמיה דאמר שכר פסיעות יש ברוך אתה בשדה שיהו נכסיך משולשין שליש בתבואה שליש בזיתים שליש בגפנים. ברוך אתה בבואך וברוך אתה בצאתך שתהא יציאתך מן העולם כביאתך לעולם מה ביאתך לעולם בלא חטא כך יציאתך מן העולם בלא חטא (ע"ב) לא קשיא הא למהדר ליה שורא ורתקא הא דלא מהדר ליה שורא ורתקא :

(דברים ז) ו **והסיר** ה' ממך כל חולי אמר רב זה העין רב לטעמיה דרב סליק לבי קברי עבד מאי דעבד אמר תשעים ותשעה בעין רעה ואחד בדרך ארץ ושמואל אמר זה הרוח ושמואל לטעמיה דאמר שמואל הכל ברוח ולשמואל הא איכא הרוגי מלכות הנך נמי אי לאו זיקא עבדי להו סמתרי וחיי ר' יוסי

רבי אבא רבי יוחנן לא אמר הכי : סמוך לשלחנך. כלומר סמוך לביתך שלא תצטרך להרחיק בשדות והאי דנקט שולחנך שיוכל לבדוק עצמך לפני אכילה ולאחר אכילה כדאמרינן בשבת הנצרך לנקביו ואוכל דומה לתנור שהסיקוהו על גבי אפרו ואחר האכילה שמתאכל דוחק ומוציא את המשכל ואם יהא צריך להרחיק פעמים שהעמוד חוזר ובא לידי הדרוקן : אבל בהכ"נ. סמוך לביתו לרבי יוחנן לאו מעליותא היא : רבי יוחנן לטעמיה. דאמר במסכת סוטה שכר פסיעות יש דאמר למדנו יראת חטא מבתולה וקבול שכר מאלמנה שאמרה לו ולא שכר פסיעות יש אם יש בית הכנסת בשכונתי ואני בא לבית מדרשך להתפלל : משולשין. פירש שנה שלוקה בגפנים ובזיתים ואינה לוקה בתבואה ויש שנה שלוקה בזו ולא בזו ותהיה לו פליטה : לא קשיא. דרב אדרב : שורא ורתקא. חומה ורתוקת גדר של נצרים כמו חיל וחומה : כל חולי. קבר שכל החלאים תלויין בו וזו היא עין רעה : עבד מאי דעבד. יודע היה ללחוש על הקברות ולהבין על כל קבר וקבר באיזה מיתה מת אם בזמנו אם בעין רעה : הכל ברוח. כל החלאים ותולאות מיתה ע"י נשיבת הרוח באין הכל לפי שעה והאדם יש לך אדם שרוח פלוני קשה לו ובשעה פלונית : והאיכא הרוגי מלכות. הרוגי חרב : אי לאו זיקא. פי' כנס במכה : עבד סמתרי וחיי. הם

זאלין זיין וויא דוא ביסט. האט רבי אבא גזאגט צוא דיא תלמידים פון רב. רבי יוחנן האט ניט אזוי גזאגט. נאר אזוי מיינט מען. גיבענשט זאלסטו זיין אין שטאט. אבית הכסא זאל זיין נאנט צוא דיין טיש. אמענטש זאל זיך רייניגען פאר דעם עסין. אונ נאך דעם עסין. אבער אז דיא שוהל איז נאנט צוא זיין שטוב. איז ניט אזוי גוט. ווארום רבי יוחנן זאגט אז איינער גייט טאהן אמצוה, צאהלט אים גאט פאר דיא טריט אויך. דריבער וואס ווייטער דיא שוהל איז. וועט ער האבען מער שכר. פאר זיינע טריט וואס ער גייט צוא דיא שוהל. גיבענשט זאלסטו זיין אין פעלד. דיינע גיטער זאלין זיין צוא טיילט אין דרייא טייל. אדריטול זאל זיין תבואה. אדריטול זאל זיין איילבירטען. אדריטול זאל זיין ווינשטאקין. גיבענשט זאלסטו זיין אין דיין קומען. אונ גיבענשט זאלסטו זיין אין דיין ארויס גיין. דאס מיינט מען דיין ארויס גיין פון דער וועלט זאל זיין וויא דיין קומען אויף דער וועלט. אזוי וויא דוא ביסט גיקומען אויף דער וועלט אן אעבירה. אזוי זאלסטו ארויס גיין פון דער וועלט אן אעבירה. איז דאך אבער אקשיא פון רב אויף רב. אמאהל האט רב גזאגט אמענטש זאל האבען זיינע פעלדער נאנט פון שטאט. אונ אמאהל האט ער גזאגט אמענטש זאל האבען זיינע פעלדער ווייט פון שטאט; זאגט דיא גמרא עס איז ניט קיין קשיא. אז דיא פעלדער האבען אמאהער ארום. מענטשין קענען ניט זעהן וואס אינוועייניג איז. איז גוט דיא פעלדער זאלין זיין נאנט פון שטאט. אבער אז דיא פעלדער האבען ניט קיין מאהער ארום. איז גוט זייא זאלין זיין ווייט פון שטאט. מענטשין זאלין ניט געבין אעין הרע :

ו **והסיר**. אין פסוק שטייט גאט וועט אפ טאהן פון דיר אלע קראנקייטין. רב זאגט דאס מיינט מען גאט וועט דיך היטען פון אעין הרע. ווארום אלע קראנקייטין קומען פון אעין הרע. ווארום רב איז אמאהל גיוועזן אויף דעם בית הקברות. אונ ער האט גיקוקט וויסען אויף יעדער קבר. פון וואס דער מענטש איז גישטארבען. אונ אויב ער איז גישטארבען צוא זיין צייט אדער פאר זיין צייט. האט רב גזאגט פון יעדערע הונדערט מענטשין זענען ניין אונ ניינציג גישטארבען פון עין הרע אונ איינער איז גישטארבען מיט דער נאטור. שמואל זאגט דער פסוק מיינט גאט וועט אפ טאהן פון דיר אלע שלעכטע לופטין אונ ווינטען. ווארום שמואל זאגט אלע קראנקייט אונ שטארבונג קומט נאר פון אשלעכטין ווינט וואס ער גייט אריין אין דעם מענטשין. פרעגט דיא גמרא, עס איז דאך דא מענטשין וואס ווערין גיהרגת מיט אשווערד דורך דעם מלך.

יוסי ברבי חנינא אמר זו צואה דאמר מר צואת החוטם וצואת האוזן רובם קשה ומעוטם יפה ר"ח אמר זו צנה דאר"ח הכל בידי שמים חוץ מצנים פחים שנא' (משלי כב) צנים פחים בדרך עקש שומר נפשו ירחק מהם ר' אלעזר אומר זו מרה. תנ"ה מחלה זו מרה ולמה נקרא שמה מחלה שהיא מחלה כל גופו של אדם ד"א [מחלה] שפ"ג חלאים תלויין במרה וכולם פת שחרית [במלח] וקיתון של מים מבטלתן, ת"ר י"ג דברים נאמרו בפת שחרית מצלת מן החמה ומן הצנה ומן הזיקין ומן המזיקין ומחכימת פתי וזוכה בדין ללמוד תורה וללמד ודבריו נשמעים ותלמודו מתקיים בידו ואין בשרו מעלה הבל ונזקק לאשתו ואינו מתאוה לאשה

המחבר בשר חתוכה: מין עשב הוא דאמרי' בהמוכר את הספינה: צנים פחים. קור הנופח ולאו היינו רוח דקאמר שמואל דשמואל זיקא בלא צנה נמי מזיק: זו מרה. שהמרירות שנה גדלה ונובעת ומתפשטת בגידין ובעצמות: וקיתון של מים. למי שאין לו יין: זיקין. היינו רוח דאמר שמואל: מחכימת פתי. שדעתו מיושבת עליו לפי שאינו מלטער ברעבו: וזוכה בדין. אם יש לו דין עם חברו דעתו מיושבת לייסב דבריו בב"ד להטעי': ללמוד וללמד. מחמת יישוב הדעת: ודבריו נשמעים. לבריות שיש לו לב להטעימן: הבל. זיעה וזוהם: נזקק לאשתו. אם בעל הרהורים הוא ומתוך שלבו טוב בבוקר שאכל

ניט פון אשעכטין ווינט. ענטפערט דיא גמרא זייא שטארבען אויך פון ווינט. וארום ווען דער ווינט וואלט ניט אריין גיין אין דעם מענטש דורך דיא מכה. וואלט מען גיבריינגט דעם גראז סמתרי. אונ מען וואלט אים גילייגט אויף דעם ארט וואו דאס לייב איז צוא האקט גיווארין וואלט דאס צוריס צו זאמען גיוואקסען. אונ ער וואלט גילעבט נאר דער ווינט וואס איז אריין גיגאנגען אין דעם מענטש. דאס הרגת אים באלד. רבי יוסי ברבי חנינא זאגט דער פסוק מיינט גאט וועט אפ טאהן פון דיר דיא צואה. ווארום דער רבי האט גזאגט דיא צואה פון נאז. אונ די צואה פון אויער. אויב זייא זענען פיל: איז ניט געזונד. אונ אויב עס איז ווייניג איז יא געזונד. רבי חנינא זאגט דער פסוק מיינט גאט וועט אפ טאהן פון דיר דיא קעלט. ווארום רבי חנינא האט גזאגט אליץ איז ביי גאט אין האנט. נאר קעלט ניט. פון קעלט זאל זיך דער מענטש אליין היטען. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק קעלט אונ היץ איז אין דיא וועג פון דעם פר קרימטען. דער וואס וויל זיך היטען זאל ער זיך דער ווייטערין פון זייא. זאגט דיא תורה אבער דער וואס וועט היטען דיא מצות פון גאט: אפילו פון קעלט וועט אים אויך גאט היטען. רבי אלעזר זאגט דער פסוק מיינט גאט וועט אפ טאהן פון דיר די גאל קראנקייט. מיר האבן אויך אזוי גילערונט מחלה אקראנקייט. וועלכע קראנקייט. דאס מיינט מען דיא גאל קראנקייט. פאר וואס ווערט גערופען דיא גאל קראנקייט מחלה. אקראנקייט. זאל מען באלד זאגען וועלכע קראנקייט. ודיא גאל קראנקייט. ווייל דיא גאל קראנקייט מאכט קראנק דעם גאנצען מענטש. דריבער ווערט זיא גערופען אקראנקייט: פון אלע קריינק. אנדערע זאגען דריבער רופט מען די גאל קראנקייט מחלה: ווייל מחלה בטרעפט דריי אונ אכציג. אונ אין דיא גאל איז דא דרייא אונ אכציג קראנקייטין. אונ אז מען עסט באלד אין דער פריא אפילו נאר ברויט מיט זאלץ אונ מען טרינקט אפילו נאר אקריגול וואסער. קענען אלע קראנקייטין צוא אים ניט קומען. די רבנן האבען גילערונט דרייצעהן זאכען איז גזאגט גיווארין אז מען עסט באלד אין דער פריא. דאס רעטעט דעם מענטשין פון היץ אונ פון קעלט נאז מען איז הונגעריג קען מען זומער חלשין פון היץ. אונ ווינטער שטארקט זיך דיא קעלט ביי דעם הונגעריגען מער וויא ביי דעם וואס איז זאט. אונ פון שלעכטע ווינטען. ווארום אז דער בויך איז ליידיג אונ ער ציהט אין זיך אריין דעם ווינט קען דאס אים שאדין: אונ פון שדים. אונ דאס מאכט קלוג אפילו דעם נאר. אונ אז ער האט מיט איינעם אדין תורה נאך דעם עסין. וועט ער געווינען דיא דין תורה. אונ ער איז זוכה צוא לערנען תורה פאר זיך אונ צוא לערנען מיט אנדערע: אונ זיינע רייד זענען אן גינומען ביי מענטשין. אונ וואס ער לערונט גידיינקט ער (דיא זעקס זאכען זענען בעסער נאך דעם עסין. ווייל זיין שכל איז רוהיג. אונ ער איז פרייליכער) אונ דאס לייב זיינע שוויצט ניט (ווייל ער איז געזונד אונ שטארק). אונ ער איז משמש המטה מיט זיין ווייב נאך דעם עסין אידער ער

לאשה אחרת והורגת כנה שבבני מעים וי״א אף מוציא את הקנאה ומכנים את האהבה . א״ל רבא לרבה בר מרי מנא הא מלתא דאמרי אינשי שיתין רהיטי רהוט ולא מטו לגברא דמצפרא כרך וכו׳ (כדאמרינן לעיל בב״ק פ׳ החובל) : ירושלמי והסיר ה׳ ממך כל חולי רב הונא בשם ר״א בן יעקב כל חולי זה רעיון וא״ר יוחנן (דברים כח) ונתן עול ברזל על צוארך זה רעיון א״ר אבין והסיר ה׳ ממך כל חולי זה יצה״ר שראשו מתוק וסופו מר :

קלא תובע לאשתו ובאלתו לשוק ורואה נשים אינו מתאוה להן: כנה שבבני מעים. התולעים : מוציא את הקנאה ואת השנאה . שכשאין לבו טוב עליו כואב נוח לכעוס :
אגא . יער : ניקוץ עילאי ותתאי . מי שיש להן יער על הנהר אילני למעלה הימנו ולמטה הימנו הולך דרך המים : אבא דבי פרזק רופילא כוה . אותו שלמטה ושלמעלה לא של ישראל היה שיכול לקוץ אותו יער של בית פרזק פקח פרסיים

[קודם איפא בגמ׳ שצריך לקוץ היער שסמוך לנהר שספינות הולכות שם בשביל מושכי הספינה שיוכלו לעלות על היבשה] :

ז רבה בר רב הונא הוה ליה ההוא אבא אגודא דנהרא אמרו ליה ניקוץ מר אמר להו קוצו עילאי ותתאי והדר ניקוץ אנא היכי עביד הכי והכתיב (צפניה ב) התקוששו וקושו ואמר ריש לקיש קשוט עצמך ואחר כך קשוט אחרים התם אבא דבי פרזק רופילא הוה ואמר אי קייצו קייצנא ואי לא קייצו אמאי איקוץ דאי מכתהי

גייט אין גאס (ווייל ער איז אן גיגעסין זאט האט ער אתאוה צוא אשה). אונ אז ער זעהט אין גאס אנדערע ווייבער . גלוסט ער שוין ניט צוא זייא . אונ עס הרגת דיא ווערים וואס אין בויך : אנדערע זאגין דאס עסין ציהט אויס דיא קריג פון זיין הארצען. ווארום אז מען איז זאט. איז מען ניט אין כעס . אונ מען איז ליב אונ פריינדליך צוא אלע מענטשין. רבא האט גזאגט צו רבה בר מרי פון וואנען ווייסען מיר דיא זאך וואס מענטשין זאגין זעכציג מענטשין זענען גילאפען אונ האבען ניט גיקענט חאפען דעם מענטש וואס עסט בא אלד אין דער פריא ודאס שטייט אין בבא קמא אין פרק החובל. דער ירושלמי זאגט עס שטייט אין פסוק גאט וועט אפ טאהן פון דיר אלע קראנקייט . וועלכע קראנקייט . רב הונא האט גזאגט פון רבי אליעזר בן יעקבס וועגין . אלע קראנקייט דאס מיינט מען טראכטונג . וואס דער מענטש טראכט אונ קלערט פיל . דס מאכט אים קראנק . רבי יוחנן האט גזאגט עס שטייט אין פסוק גאט וועט געבין אויף דיין האלדז אאייזערנעם יאך . דאס מיינט מען טראכטונג . דוא וועסט האבען פיל צוא טראכטען אונ צוא קלערין . רבי אבין זאגט עס שטייט אין פסוק גאט וועט אפ טאהן פון דיר אלע קראנקייט. דאס מיינט מען ער וועט אפ טאהן פון דיר דעם יצר הרע . אין אנהייב ווען ער רעט אן צו די עבירה . איז ער זיס. אבער אין לעצט איז ער ביטער :

ז רבה בר רב הונא האט גיהאט א וואלד בייא דעם ברעג טייך . ואונ דער דין איז אז מען האט א וואלד נעבין ברעג טייך מוז מען אים אויס האקין : ווייל דיא מענטשין וואס שלעפין דיא שיפען מיט. שטריק מוזין גיין אויף דעם ברעג אויף דיא ביידע זייטין פון טייך. אונ אז דער וואלד וועט זיין וועלין זייא ניט קענען ציהען דיא שטריק צווישען דיא בוימער. דריבער) האט מען גזאגט צו רבה ער זאל הייסין אויס האקין זיין וואלד . האט רבה צוא זייא גזאגט זאלין פריער אפ האקין דיא וואס האבען וועלדער בייא דעם טייך העכער פון מיין וואלד אונ נידעריגער פון מיין וואלד דער נאך וועל איך אפ האקין . פרעגט דיא גמרא האט דען רבה גימעגט אזוי טאהן. עס שטייט דאך אין פסוק התקוששו וקושו . האט ריש לקיש גזאגט דער פסוק מיינט פריער זאלסטו דיך צירען : דער נאך וועסטו צירען אנדערע מענטשין . פריער זאלסטו אליין מקיים זיין דיא מצות. דער נאך וועסטו זאגין מוסר צו אנדערע מענטשין . זייא זאלין אויך מקיים זיין דיא מצות : האט רבה פריער גידארפט אויס האקין זיין וואלד . דער נאך וועט ער הייסין דיא אנדערע מענטשין זייא זאלין אויך אויס האקין זייערע וועלדער . ענטפערט דיא גמרא דיא וועלדער וואס זענען גיווען נעבין טייך האבין גיקערט צוא אשרה וואס האט גיהייסין רופילא . אונ רבה האט גיוואוסט אז דער גוי וועט ניט וועלין אויס האקין זיינע וועלדער אונ אז דיא וועלדער פון דעם

מסתחי להו אשלייהו מיסתגי להו (דף קח) ואי לא לא מסתגי להו] . רבה בר רב נחמן הוה קאזיל בארבא חזא ההוא אבא דקאי אגודא דנהרא אמר להו האי דמאן אמרו ליה דרבה בר רב הונא אמר (עזרא ט) ויד השרים והסגנים היתה במעל הזה ראשונה אמר להו קוצו קוצו . אתא רבה בר ר"ה אשכחיה דקייץ אמר מאן דקצייה תקוץ ענפיה אמרו כולהו שני דרבה בר רב הונא לא איקיים ליה זרעא לרבה בר ר"נ :

(דף קי ע"ב) **ת"ר** מנין לשכיר יום שגובה כל הלילה שנא' (ויקרא יט) לא תלין פעולת שכיר אתך עד בקר ומנין לשכיר לילה שגובה כל היום שנאמר (דברים כד) ביומו תתן שכרו ואימא איפכא שבירות

הוה וידוע הוא שלא יקוצו ומה תועיל קלילה שלי : אי נמתחו אשלייהו מסתגי להו . אם יוכלו למתוח חבלים ולבא ממסע למסע או מכפר לכפר לילך ממטה למעלה ילכו : ואי לאו לא מסתגי להו . אין להם מהלך בעבר זה והולכין על כרתן דרך שפתו השניה בסרי על כרתן כשהולכין כנגד היער של נכרי ילכו בשפתו השניה ולכשיגיעו כנגד שלי למה יצריכו לעבור את רוחב המים והרי הן צריכין לחזור ולעבור לצד אחר כשכלתה הקצירה] : חזא ההוא אבא . יער שהניח רבה בר רב הונא לפי שאין העליונים והתחתונים קוצצים ורבה בר ר"נ לא היה יודע שכן היה בהיה עליון ותחתון של נכרי המוצל : ויד השרים והסגנים . פסוק הוא בספר עזרא : תקוץ ענפיה . ימותו בניו :

איפוך אנא . דלא הלין בשכיר לילה ולא תבא בשכיר יום: שכירות אינה משתלמת אלא לבסוף. כדאמרינן באיזהו נשך בשכיר שנה בדיה שכירות שנה זו משתלמת בתחלת שנה אחרת אלמא לא משתעבד ליה לשכיר

גוי וועלין בלייבין שטיין . וואס וועט העלפין וואס רבה וועט אוים האקין זיין וואלד . סיי וויא וועט מען דארט ניט קענן ציהן שטריק . דריבער האט רבה אזוי גזאגט אויב דער גוי וועט אוים האקין זיינע וועלדער . וועל איך אוים האקין מיין וואלד : אונ אויב דער גוי וועט זיינע וועלדער ניט אוים האקין . צו וואס זאל איך אוים האקין מיין וואלד : וועלין דיא שיפערס קענען ציהען דיא שטריק דורך דעם גוים וועלדער . וועלין זייא דאך דורך מיין וואלד אויך קענען ציהען דיא שטריק . אונ אויב זייא וועלין ניט קענען ציהען דיא שטריק דורך דעם גוים וועלדער . וועלין זייא דאך ניט גיין דורך דעם זייט . נאר זייא וועלין גיין אויף דעם ברעג וואס אויף דיא אנדערע זייט טייך . וועלין זייא שוין גיין דיא שטיק וועג וואס געגין מיין וואלד איז אויך . צו וואס זאל איך אוים האקין מיין וואלד . רבה בר רב נחמן איז גיגאנגען אין אשיף . האט ער גיזעהן אוואלד שטייט בייא דעם ברעג טייך . האט ער גיפרעגט וועמעס איז דער וואלד . האט מען אים גזאגט דער וואלד גיהער צו רבה בר רב הונא . האט רבה בר רב נחמן גזאגט דעם פסוק דיא האנט פון דיא יודישע שרים איז גיוועזן צו ערשט אין דעם פעלשונג . ער האט גימיינט אויף רבה בר רב הונא וואס ער איז אשר בייא יודין האט ער אליין ניט מקיים גיוועזן דעם דין אפ צו האקין דעם וואלד . דריבער שטייען דיא אנדערע וועלדער וואס נעבין זיין וואלד אויך ניט אוים גיהאקט ווארום רבה בר רב נחמן האט ניט גיוואסט דיא מעשה וואס פריער שטייט אז דיא וועלדער זענען גיוועזן גוישע). האט רבה בר רב נחמן גזאגט צו זיינע מענטשין האקט אוים דעם וואלד . איז גיקומען רבה בר רב הונא אונ האט גיטראפין מען האקט זיין וואלד . האט ער גזאגט ווער עס האט גיהייסין האקין דעם וואלד . זאלין אפ גיהאקט ווערין זיינע צווייגין . עס זאלין שטארבין זיינע קינדער . מען זאגט אזוי לאנג וויא רבה בר רב הונא האט גילעבט . האבען נישט גילעבט דיא קינדער פון רבה בר רב נחמן :

ת תנו רבנן . דיא רבנן האבען גילערונט פון וואגען וויסין מיר אז איינער האט גידונגען אארבעטער ער זאל בייא אים ארבעטין אגאנצין טאג . האט ער צייט אגאנצע נאכט אים צוא בצאהלין זיין לוין געלט . ווארום עס שטייט אין פסוק עס זאל ניט נעכטיגען דיא לוין געלט פון דעם גידונגענעם מיט דיר ביז אין דער פריא . אונ פון וואגען וויסין מיר אז איינער האט גידונגען אארבעטער ער זאל בייא אים ארבעטין אגאנצע נאכט . האט ער צייט אגאנצין טאג אים צו בצאהלין זיין לוין געלט . ווארום עס שטייט אין פסוק אין זיין טאג זאלסטו געבין זיין לוין געלט . פרעגט דיא גמרא טאמער פאר קערט דער פסוק וואס אין אים שטייט דיא לוין געלט זאל ניט נעכטיגען בייא דיר ביז אין דער פריא . שמועסט פון אגידונגענעם ביי נאכט צו ארבעטין . אונ דער פסוק וואס אין אים שטייט אין דעם וועלכיגען טאג זאלסטו געבין זיינע לוין געלט .

שכירות אינה משתלמת אלא לבסוף. ת"ר ממשמע שנאמר לא תלין פעולת שכיר אתך איני יודע שעד בקר מה ת"ל עד בקר מלמד שאינו עובר אלא עד בקר ראשון בלבד מכאן ואילך מאי אמר (רבי) [רב] עובר משום בל תשהא א"ר יוסף מאי קראה (משלי ג) אל תאמר לרעך לך ושוב ומחר אתן ויש אתך:

(דף קיב) ט תניא (דברים כד) ואליו הוא נושא את נפשו מפני מה עלה זה בכבש ונתלה באילן ומסר א"ע למיתה לא על שכרו ד"א ואליו הוא נושא את נפשו כל הכובש שכר שכיר כאילו נוטל נפשו ממנו רב הונא ורב חסדא ח"א נפשו של גזלן וח"א נפשו של נגזל מ"ד נפשו של גזלן וכו' כדאיתא בפרק הגוזל ומאכיל:

(דף קיד) י אשכחיה רבה בר אבוה לאליהו בבית הקברות [של נכרים] אמר ליה מהו

יום עד שתשקע החמה וכי כתיב לא תלא על כרחך בשכיר לילה תוקמיה דכשתעבד לו לבקר משלמה שכירותו וכן לא תלין נמי לא תוקמיה בשכיר לילה דהא לא משתעבד ליה עד הבקר: ממשמע שנא' וכו' שאין לינה קרויה אלא עד הבקר דכתיב ולא ילין לבקר וכל לינה שבמקרא לינת לילה הוא: מאי קראה. היכא רמיזא בל תשהא:

ואליו הוא נושא את נפשו. הוא מוסר נפשו עליו לעלות בכבש גבוה ומיכן בעצמו ליפול ולתלות באילן כשעולה עליו ללקוט זיתים ולגדור תמרים ומסר נפשו עליו לחיות שמא יפול מן הכבש או מן האילן: ס"ג ד"א ואליו הוא נושא את נפשו. ופליגי בהא רב הונא ורב חסדא במשמעותא דקרא: ח"א נפשו של שכיר. נענש עליו כאילו הורגו: וח"א נפשו של גזלן. מגיד לך הכתוב שגורם מיתה לעצמו:

שמועסט פון אגידונגענעם ביי טאג צוא ארבעטין. ענפערט דיא גמרא לוין געלט ווערט ניט בצאהלט ביז נאך דיא גאנצע צייט. אז עס האט שוין אן גיהויבען צוא ווערין דיא אנדערע צייט בצאהלט מען פאר דיא ערשטע צייט. דריבער קען מען ניט זאגען אז דער פסוק הייסט בצאהלען אין דעם זעלביגען טאג דיא לוין געלט פון דעם טאג ארבעטער. אז אים קומט ניט דיא לוין געלט ביז עס ווערט נאכט. אונ אזוי קען מען ניט זאגען אז דער פסוק הייסט בצאלען פאר טאג דיא לוין געלט פון דעם נאכט ארבעטער. אז אים קומט ניט דיא לוין געלט ביז עס ווערט טאג. דריבער מוז מען זאגען דעם טאג ארבעטער איז צייט צוא בצאהלען אגאנצע נאכט ביז טאג. אונ דעם נאכט ארבעטער איז צייט צוא בצאהלין אגאנצען טאג ביז נאכט. דיא רבנן האבען גילערונט אז עס שטייט אין פסוק עס זאל ניט נעכטיגען מיט דיר דיא לוין געלט פון דעם גידונגענעם. אז מען זאגט נעכטיגען מיינט מען דאך ביז פריא. צוא וואס שטייט ביז פריא. נאר דער פסוק לערונט אונז אז ער איז ניט מער עובר אויף אלאו נאר ביי דעם ערשטין אין דער פריא. וויא איז אז ער גיט אים שפעטער ביי טאג אויך ניט די לוין געלט. האט רב גזאגט ער איז עובר אויף בל תשהא. דוא זאלסט ניט האלטען ביי זיך דיא לוין געלט פון דיין ארבעטער. רב יוסף זאגט וואו שטייט דאס בל תשהא. אין ספר משלי האט שלמה גזאגט דוא זאלסט ניט זאגין צוא דיין חבר גיי איצט אונ קום מארגין וועל איך דיר געבין. אונ דוא האסט איצט אויך צו געבין. וועהן מיר אז מען טאר ניט האלטען ביי זיך פרעמדע געלט אז יענער מאנט אונ איך האב אים צו געבין:

ט תניא. מיר האבען גילערונט עס שטייט אין פסוק אונ צו אים (צו דעם לוין געלט) טראגט ער זיין לעבין. פאר וואס איז דער מענטש ארויף גיגאנגען אויף אזוי אהויכין לייטער. אדער ער איז ארויף גיגאנגען אויף אבוים. אונ ער האט זיך איין גישטעלט אין סכנת נפשות. ווארום טאמער וועט ער אראפ פאלין אונ גיהרגת ווערין. דאס אליץ האט ער גיטאהן וועגין זיין לוין געלט. דארף מען דאך אים דאס לוין געלט בצאהלין. אנדערע זאגין אזוי מיינט דער פסוק אונ צו אים (צו דעם לוין געלט) טראגט ער זיין לעבין. דער וואס בעהאלט דיא לוין געלט פון דעם גידונגענעם ארבעטער איז גלייך וויא ער וואלט ביי אים גינומען זיין נשמה. רב הונא אונ רב חסדא קריגען איינער זאגט גאט נעמט אוועק דיא נשמה פון גזלן. אונ אי גער זאגט דער גזלן נעמט אוועק דיא נשמה פון דעם מענטש וואס ער האט ביי אים גיגזלת. (אזוי ווי עס שטייט אין ב"ק פרק הגוזל ומאכיל):

י אשכחיה. רבה בר אבוה האט אמאהל גיטראפין אליהו הנביא איז געשטאנען אויף

מהו שיסדרו בבע"ח א"ל גמר מיכה מיכה מערכין ג"י ערכין כתיב (ויקרא כז) ואם מך הוא מערכך וגבי בעל חוב כתיב (שם כה) וכי ימוך אחיך מנין לערום שלא יתרום דכתיב (דברים כג׳ ולא יראה בך ערות דבר [א"ל לאו כהן הוא מר מ"ט קאי מר בבה"ק א"ל לא מתני מר טהרות דתניא רשב"י אומר קבריהם של עכו"ם אין מטמאין שנאמר (יחזקאל לד) ואתן צאני צאן מרעיתי אדם אתם אתם קרויין אדם ואין עכו"ם קרויין אדם] א"ל בארבעה לא מצינא בשיתא מצינא א"ל ואמאי א"ל דחיקא לי מלתא דבריה ועייליה לג"ע א"ל פשוט גלימך ספי שקול מהני טרפי ספא שקיל כי הוה נפיק שמע דאמר מאן קאכיל לעלמיה כרבה בר אבוה נפץ שדינהו אפילו הבי אתיוה לגלימיה סחט גלימיה ריחא

ערות דבר. בשעה שאתה מדבר בו לא יראה בך ערות דבר ש"מ אין אדם מב ך כשהוא ערום ותורם בעי ברכה והא דבעי מיניה לענין תורם דהתם תק אין מגביהין תרומה ערום: [לאו כהן מר. דאיכא למ"ד דאליהו הוא פנחס דכתיב ביה קנא קנאתי וכן בפנחס בקנאו את קנאתי: אין מטמאין. דגבי אהל כתיב אדם כי ימות באהל]: בארבעה לא מצינא. בגירסא דארבעה סדרים כגון מועד ישועות נשים שהן נוהגות בזמן הזה כבזמן הבית וקדשים נמי כדכתיב בכל מקום מוקטר מוגש ואמרינן אלו ת"ח העוסקים בהלכות עבודה בכל מקום מעלה עליהן הכתוב כאילו מקריבים אותם בבהמ"ק: בשיתא מצינא. בתמיה זרעים אינו נוהג בח"ל וכן טהרות: ספי. לקוט: טרפי. עלין: נפץ. אביקשו"ק בלע"ז: סחט גלימא. נסחט ריח מהונ

אגוישען בית הקברות. האט רבה גזאגט צו אליהו הנביא וויא איז דער דין אויב מען נעמט אלץ אוועק ביא דעם לוה אוועק צוא געבין דעם מלוה. אדער ניין. האט אליהו גזאגט מיר לערנען אגזרה שוה מיכה מיכה פון ערכין. ביא ערכין שטייט ואם מך הוא מערכך. אונ ביא אבעל חוב שטייט וכי ימוך אחיך: אזוי וויא ביא ערכין אז איינער זאגט איך זאל געבין מיין שאצונג וויא עס שטייט אין דיא תורה אין דיא סדרה בחקתי. נעמט מען ניט ביא אים אלץ וואס ער האט צו בצאהלין זיין שאצונג. אזוי ביא אבעל חוב נעמט מען אויך ניט אלץ ביא דעם לוה צו געבין דעם מלוה פאר זיין חוב. נאך האט רבה גיפרעגט ביא אליהו הנביא פון וואנען וייסין מיר אז אנאקעטער טאר ניט אפ שיידין תרומה. האט אליהו גיענטפערט ווארום עס שטייט אין דיא תורה ולא יראה בך ערות דבר. ווען דו רעדסט צו גאט זאל ניט גיזעהן ווערין ביא דיר קיין שענדליכע זאך. אונ אז ער איז נאקעט ווערט דאך גיזעהן דיא ערוה. אונ אז מען שיידט אפ תרומה דארף מען דאך מאכין אברכה דריבער טאר מען ניט אפ שיידין תרומה ווען מען איז נאקעט. האט רבה גזאגט צוא אליהו דו ביסט דאך אכהן פאר וואס שטייסטו אויף אבית הקברות. האט אליהו גזאגט צו רבה דו האסט ניט גילערנט דיא מסכת טהרות. ווארום דארט שטייט רבי שמעון בן יוחאי זאגט גוישע קברים זענען ניט מטמא. ווארום עס שטייט אין פסוק גאט האט גזאגט אויף דיא יודין איר זענט מיינע שעפסין. דיא שעפסין פון מיין פיטערונג. איר זענט אדם. נאר יודין ווערין גירופין אדם. אבער גוים ווערין ניט גירופין אדם. אונ ביא דיא טומאה פון אמת שטייט אדם כי ימות. אז אאדם ווען שטארבין איז זיין קבר מטמא. אז איוד שטארבט איז זיין קבר מטמא. אבער אז אגוי שטארבט איז זיין קבר ניט מטמא. האט רבה גזאגט צו אליהו דיא פיר סדרים משניות קענען מיר ניט. זאלין מיר קענען זעקס סדרים. האט אליהו גזאגט צו רבה פאר וואס קענסטו ניט לערנען. האט רבה גזאגט וייל איך בין אאָרעם מאן. האט אליהו אריין געפירט רבהן אין גן עדן. אונ אליהו האט גזאגט צו רבה נעם אראפ פון דיר דיין קאפאטע אונ קלויב צו זאמען דיא בלעטער אונ לייג זייא אריין אין דיא קאפאטע. האט רבה צו זאמען געקליבען דיא בלעטער אונ האט זייא אריין גילייגט אין דיא קאפאטע. וויא רבה האט אנגיהויבין ארויס צו גיין מיט דיא בלעטער פון גן עדן. האט ער גיהערט וויא מען זאגט ווער עסט אויף זיין וועלט אזוי וויא רבה בר אבוה. האט ער אויס גישאקילט דיא קאפאטע אונ האט ארויס גיווארפין דיא בלעטער. פון דעסטוועגין האט ער גיברייננט דיא קאפאטע. אונ דיא קאפאטע האט אין זיך אריין גיצויגין דעם ריח פון דיא בלעטער. האט ער פאר קויפט דיא קאפאטע אונ האט פאר איר גינומען

ר הא זבניה בתריסר אלפי דינרי פלגינהו לחהנוותיה :

(דף קטו) **יא ת"ר** (דברים כד) לא תבא אל ביתו לעביט עבטו לביתו אי אתה נכנס אבל אתה נכנס לביתו של ערב וכה"א (משלי כז) קח בגדו כי ערב זר וגו׳, ואומר (שם ו) בני אם ערבת לרעך תקעת לזר כפיך נוקשת באמרי פיך נלכדת באמרי פיך עשה זאת אפוא בני והנצל כי באת בכף רעך לך התרפס ורהב רעיך אם ממון יש לו בידך התר לו פסת יד ואם לאו הרבה עליו ריעים :

פירוש

סעלן לתוך טלית וקלטה טליה אה בריה : וזבניה. נגלימא בתריסר אלפי דינרי :

בני אם ערבת לרעך גו׳ נוקשת באמרי פיך. שאוניתו בדברים : עשה זאת והנצל. התר פס יד אם מרבת ואם יש ערבה אלא נוקשת באונאת דברים רהב רעך הרבה עליו ריעים לבקש מחילה : אם ממון יש לו בידך. אם נעשית לו ערב ואם נוקשת בדברים רהב רעך :

איפסית מעזיבה. והתקרה קיימת אלא שהמים

יב תניא (דברים יז) לא ירבה לו נשים רבי יהודה אומר מרבה הוא ובלבד שלא יהו מסירות את לבו ר"ש אומר אפילו אחת והיא מסירה את לבו ה"ז לא ישאנה א"כ מה תלמוד לומר ולא ירבה לו נשים אפילו כאביגיל :

הבית והעליה פרק עשירי

(דף קיז) **א הנהו** בי תרי דהוו דיירי חד עילאי וחד תתאי איפחית מעזיבה כי משי מיא

צוועלף טויזענד גילדין. אונ די געלט האט ער צו טיילט צו זיינע איידימס :

יא תנו רבנן. די רבנן האבען גילערנט עס שטייט אין פסוק דו זאלסט ניט אריין גיין אין שטוב פון דעם מענטש וואס האט ביי דיר גיבארגט געלט. צוא נעמען ביי אים אמשכון. צו אים אין שטוב זאלסטו ניט אריין גיין נעמען אמשכון. אבער דו מעגסט אריין גיין אין די שטוב פון דעם מענטש וואס האט ערב גיוועזן וגוט גישטאנען פאר דעם געלט. אונ מעגסט נעמען ביי אים אמשכון ; אזוי וויא עס שטייט אין פסוק נעם זיין קלייד ווארום ער האט ערב גיוועזן פאר אפרעמדין. נאך זאגט דער פסוק מיין זוהן אויב דו האסט ערב גיוועזן ודו ביסט גוט גישטאנען פאר דיין חבר. דו האסט גיגעבין דיין האנט פאר אפרעמדין ; דו ביסט גישטרויכלט גיווארין מיט די זאג פון דיין מויל. דו ביסט בצוואנגען גיווארין מיט די זאג פון דיין מויל. דאס זאלסטו איצט טאהן מיין זוהן. וועסטו גירעטעט ווערין. ווארום דו ביסט גיקומען אין די האנט פון דיין חבר ; לך התרפס ורהב רעיך. אויב דיין חבר מאנט ביי דיר געלט. העפין אויף די האנט דיינע אונ גיב אים דאס געלט. אונ אויב ער מאנט ניט ביי דיר געלט. נאר ער מאנט דיר פאר וואס דו האסט אים דער צערינט. שיק צו אים פיל גוטע פריינד אונ בעט אים ער זאל דיר מוחל זיין. התרפס איז דרייא ווערטער. התר פס יד. העפין אויף דיין האנט. אונ בצאהל. ורהב רעיך. זאלסט גרוים מאכין דיין חבר. אונ דו זאלסט זיין געגין אים נידעריג. אונ זאלסט אים בעטין ער זאל דיר מוחל זיין :

יב תניא. מיר האבען גילערנט עס שטייט אין פסוק דער מלך זאל ניט נעמען פיל ווייבער. רבי יהודה זאגט דער מלך מעג נעמען וויא פיל ווייבער ער וויל. נאר זייא זאלין זיין פרומע זייא זאלין ניט אפ נייגין זיין הארץ פון גאט. די תורה האט נאר גיאסרת צו נעמען פיל ווייבער אזעלכע וואס זענען ניט פרומע. רבי שמעון זאגט אפילו איין ווייב אויב זיא איז ניט פרום זיא וועט אפ טאהן זיין הארץ פון גאט. טאר ער זיא ניט נעמען. נאר וואס רעדן שטייט אין פסוק ער זאל ניט נעמען פיל ווייבער. אפילו זייא זענען אזוי פרום וויא אביגיל. טאר ער זייא אויך ניט נעמען :

פרק עשירי

א הנהו. צוויא מענטשין האבען גיוואהנט אין אשטוב. איינער האט געוואהנט אין די

מיא עילאי אזלי ומזקי לתתאי מי מתקן רבי חייא בר אבא אמר על העליון לתקן ורבי אלעאי משום רבי חייא בר יוסי אמר התחתון מתקן וסימניך (בראשית לט) ויוסף הורד מצרימה:

(דף קיח ע"ב) **ב משנה** שתי גינות זה על גב זה והירק בינתים ר"מ אומר של עליון רבי יהודה אומר של תחתון וכו'] רבי שמעון אומר כל שהעליון יכול לפשוט את ידו וליטול הרי הן שלו והשאר של תחתון: **גמ'**] (דף קיט) אמר אפרים ספרא תלמידו של ר"ל משום ר"ל הלכה כר"ש אמרוה קמיה דשבור מלכא א"ל אפריון נמטייה לר"ש:

פותחים ויורדים דרך הפתחים הוו ולאו שוכר ומשכיר הוו אלא בית של זה ועליה של זה: ויוסף הורד מצרימה. כתרגומו איתחת ור' חייא בר' יוסי אמר התחתון מתקן וכו': קמיה דשבור מלכא. לי נראה שבור מלכא ממש ומלך פרס היה ובקי בדינים ואמרוה לההיא דר"ש קמיה וקלסיה ואמר אפריון נמטייה לר"ש יקבל קן מאתנו על דבר זה ואו"ד שבור מלכא שמואל דבכמה דוכתי קרי ליה הכי ואין מיושב כח דמאי אמרוה אי לההיא דר"ש דמתני' אטו שמואל לא הוה ידע לה למתני' ואי לההיא דאפרים ספרא אטו אי לאו דאמר ר"ל הלכה כר"ש שמואל מי לא הוה בדיינים למיקנסיה לר"ש עד דשמע משמיה דר"ל דהלכתא כוותיה: אפריון. קן שלם:

אובערשטע שטוב זיא איז גיוועזן זיינע. אונ איינער האט גיוואהנט אין דיא אונטערשטע שטוב. זיא איז גיוועזן זיינע. אונ דיא ליים וואס איז גיוועזן בקלעבט אויף דיא אובערשטע פאדלאגע איז פאר טריקנט גיווארין. אונ עס איז אראפ גינומען גיווארין פון דיא ברעטער. אונ אז דער אובערשטער גיסט וואסער אויף דיא פאדלאגע. גייט דיא וואסער אראפ אין דיא אונטערשטע וואהנונג. דורך דיא שפאלטין פון דיא ברעטער. אונ עס מאכט שאדין. ווער זאל דאס פאריכטען. רבי חייא בר אבא זאגט דער אובערשטער דארף דאס פאריכטען. אונ רבי אלעאי זאגט פון רבי חייא ברבי יוסים וועגין דער אונטערשטער דארף פאריכטען. דער סימן איז יוסף האט גענידערט אין מצרים. איז יוסף נידעריג; יוסי אונ יוסף איז איין נאמען. איז אסימן רבי חייא ברבי יוסי זאגט דער נידעריגער דארף פאריכטען:

ב משנה. שתי. צווייא גערטנער איינער איבער דעם אנדערין; דער אובערשטער גארטין נידער צו ראובן. אונ דער אונטערשטער גארטין גיהער צוא שמעון; אונ צווישען דיא ביידע גערטנער וואקסט גראז. רבי מאיר זאגט דיא גראז גיהער צום אובערשטין גארטין. רבי יהודה זאגט דיא גראז גיהער צום אונטערשטין גארטין. רבי שמעון זאגט וויא וויט דער בעל הבית פון דעם אובערשטין גארטין קען אוים ציהען דיא האנט אונ נעמען דיא גראז וואס וואקסט אויף דער זייט בארג. איז דיא גראז זיינע. אונ דיא איבעריגע גראז גיהער צו דעם בעל הבית פון דעם אונטערשטין גארטין. אפרים ספרא דער תלמיד פון ריש לקיש האט גיזאגט פון ריש לקישס וועגין. דער דין איז וויא רבי שמעון. האט מען דאס גיזאגט פאר דעם מלך פון פערסיע. וויא רבי שמעון האט גיפסקת ביי דיא צווייא גערטנער. איז דאס דעם מלך גיפעלין. האט דער מלך גיזאגט רבי שמעון וועט האבין חן ביי אונז פאר זיין חכמה:

בבנין. שהיה גובהו מאה אמות כדתנן במס' מדות:
בשנים. בית ראשון ת"י שנים ובית שני ת"ך שנה:

מסכת בבא בתרא

(דף ג) (תני ג) **א גדול** יהיה כבוד הבית הזה האחרון מן הראשון רב ושמואל ואמרי לה רבי אלעזר ור' יוחנן ח"א בבנין וח"א (ע"ב) בשנים ואיתא להא ואיתא להא:

ב הורדוס עבדא דבית חשמונאי הוה נתן עיניו באותה תינוקת יומא חד שמע [ההוא גברא] בת קלא דהות קאמרה כל עבדא דמריד השתא מצלח קם קטלינהו לכולהו מרוותיה ושיירה לאותה תינוקת כד חזת ההיא תינוקת דקא בעי למנסבה סליקא לה לאיגרא [ורמא קלא] ואמרה כל מאן דאתי ואמר מדבית חשמונאי קאתינא עבדא הוא דלא אשתייר מינייהו אלא ההיא ינוקתא וההיא ינוקתא (תפול ותימות השתא) נפלה [מאגרא לארעא] (לה ומתה) טמנה בדובשא שבע שנים א"ד בא עליה וא"ד לא בא עליה מ"ד בא עליה [הא דטמנה] ליתיביה ליצריה למ"ד לא בא עליה ל"ל למעבד הכי

פרק ראשון

א גדול. אין פסוק שטייט עס וועט זיין גרויס דער כבוד פון דעם בית המקדש וואס ער איז דער לעצטער. מער פון דעם כבוד וואס עס איז געוועזן ביי דעם ערשטין בית המקדש. מיט וואס וועט זיין דער כבוד מער: רב און שמואל קריגען. אנדערע זאגין רבי אלעזר און רבי יוחנן קריגען. איינער זאגט דער כבוד איז וייל דער לעצטער בית המקדש איז געוועזן העכער געבאהט וויא דער ערשטער בית המקדש. דער ערשטער בית המקדש איז געוועזן הויך דרייסיג איילין. און דער אנדערער בית המקדש איז געוועזן הויך הונדערט איילין. און איינער זאגט דער כבוד איז וויל דער לעצטער בית המקדש איז געשטאנען מער יאהרין וויא דר ערשטער בית המקדש. דער ערשטער בית המקדש איז געשטאנען פיר הונדערט מיט צעהן יאהר. און דער אנדערער בית המקדש איז געשטאנען פיר הונדערט מיט צוואנציג יאהר. און די אלע זאכען איז אמת. דער לעצטער בית המקדש איז געוועזן העכער וויא דער ערשטער און ער איז געשטאנען לייגנער וויא דער ערשטער:

ב הורדוס איז געוועזן אקנעכט ביי דיא חשמונאים. האט ער געגעבין זיינע אויגען אויף א מיידיל פון דיא חשמונאים ער זאל זיא נעמען פאר אווייב. איין טאג האט הורדוס גיהערט אקול פון הימעל וואס זאגט דער קנעכט וואס וועט זיך איצט בעפרייען פון זיין בעל הבית. וועט ער זיין גליקליך. איז הורדוס גיגאנגען און האט גיהרגת דיא גאנצע משפחה חשמונאים. נאר דיא מיידיל האט ער גילאזט לעבין. וויא דיא מיידיל האט גיזעהן אז הורדוס וויל זיא נעמען פאר אווייב. איז זיא ארויף גיגאנגען אויף דעם בוידים. און האט געשריגען גאנץ הויך און האט געזאגט ווער עס וועט קומען זאגין איך בין גיבארין פון דיא משפחה חשמונאים. איז ליגען. נאר ער איז אקנעכט פון דיא חשמונאים: ווארום פון דיא חשמונאים איז ניט מער געבליבען נאר דיא מיידיל. (דאס האט זיא גזאגט אויף זיך). און די מיידיל וועט באלד אראפ פאלען און גיהרגת ווערין. און זיא איז טאקי אראפ גיפאלען פון בוידים אויף די ערד. און איז גיהרגת גיווארין. האט הורדוס בעהאלטען דאס מיידיל אין האניק זיבען יאהר. אנדערע זאגין ער האט מיט איר מזנה געוועזן נאך איר טויט. און אנדערע זאגין ער האט מיט איר ניט מזנה געוועזן נאך איר טוט. די וו. זאגין ער הט מיט איר מזנה געוועזן נאך איר טוט. דריבר הט ער זי בעהאלטען אין האניק זיא זאל זיין פריש ווי אלעבעדיגע ער זאל שטילען זיין יצר הרע און תאוה. וואס ער האט צוא איר גיהאט. און דיא וואס זאגין ער האט מיט איר ניט מזנה געוועזן

הכי כי היכי דניפוק ליה שם דנסיב בת מלכא אמר מאן דריש (דברים כ) מקרב אחיך תשים עליך מלך רבנן קם קטלינהו לכולהו רבנן שייריה לבבא בן בוטא למיסב עצה מיניה (דף ו) אהדר ליה כלילא דיאלי ונקרינהו לעיניה יומא חד אתא ויתיב קמיה א"ל חזי מר האי עבדא בישא מאי עבד (קם קטלינהו לכולהו רבנן וקטלינהו לכולהו מרוותיה) א"ל מאי איעבד ליה א"ל נלטייה מר א"ל כתיב (קהלת י) גם במדעך מלך אל תקלל א"ל האי לאו מלך הוא א"ל לא יהא אלא עשיר דכתיב (שם) ובחדרי משכבך אל תקלל עשיר [לא יהא אלא נשיא וכתיב ונשיא בעמך לא תאור] א"ל (והכתיב (שמות כג) ונשיא בעמך לא תאור) בעושה מעשה עמך [והאי לאו עושה מעשה עמך] א"ל מסתפינא איכא איניש דשמע מלתא ואזיל ומודע ליה א"ל השתא מיהא ליכא איניש גבן א"ל (קהלת י) כי עוף השמים יוליך את הקול . א"ל אנא הוא אי הוה ידענא דצניעיתון כולי האי לא הוה קטילנא לכו השתא מאי תקנתיה דההוא גברא א"ל הוא

אהדר ליה כלילא דיאלי . אנקא מתרגמינן יאלא וכמו שרץ שקורין הריצו"ן ושערו קשין כמחטין ועשה לו עטרה מעורו סביב עיניו : השתא מיהת אנא

נאך איר טויט . צוא וואס האט ער זיא גיהאלטען אין האניק . ער האט גיוואלט עס זאל ארויס גיין אויף אים אנאמען אז ער האט גינומען אטאכטער פון אמלך פאר אווייב . ווארום דיא חשמונאים זענען גיוועזן מלכים . דער נאך האט הורדוס גזאגט ווער דרשת דעם פסוק מקרב אחיך תשים עליך מלך . דוא זאלסט נעמען אויף דיר אמלך נאר פון דיינע ברידער . נאר פון יודין . דאס דרשנן נאר דיא רבנן . דריבער ווילען זייא ניט איך זאל זיין אמלך : איז ער גיגאנגען אונ האט גיהרגת אלע רבנן . נאר דעם תנא בבא בן בוטי האט ער גילאזין לעבין . ער זאל האבען ביי וועמען צוא פרעגין אעצה : אונ ער האט גינומען דיא פעל פון אשרץ וואס הייסט יאלי ; וואס דיא האר זיינע שטעכין וויא נאדלען . אונ ער האט גימאכט דיא פעל קיילעכדיג אזו דיא אקרוין . אונ האט אן גיטאהן דיא פעל צוא בבא בן בוטי אויף דיא אויגען . האבען דיא האר אים אוים גישטאכען דיא אויגען איז ער בלינד גיווארין . אמאהל איז הורדוס גיקומען אונ האט זיך גיזעצט נעבין בבא בן בוטא . ואונ ער האט זיך ניט גינעבין צוא דער קענען אז ער איז הורדוס . אונ ער האט גזאגט צוא בבא בן בוטא זאל דער רבי זעהן דר שלעכטער קנעכט הורדוס וואס ער האט אלץ גיטאהן . ער האט גיהרגת אלע רבנן . אונ ער האט גיהרגת זיינע בעלי בתים . האט בבא בן בוטי גזאגט צוא הורדוס וואס זאל איך אים טאהן . האט הורדוס גזאגט צו בבא בן בוטי שעלט אים . האט בבא בן בוטי גזאגט עס שטייט אין פסוק אפילו אין דיינע גידאנקען זאלסטו ניט פלוכין אמלך . האט הורדוס גזאגט צוא בבא הורדוס איז דאך ניט קיין מלך מעגסטו דאך אים פלוכין . האט בבא גזאגט איז ער ניט קיין מלך אבער אריכער מענטש איז ער דאך . אונ עס שטייט אין פסוק אין דיא צימערין וואו דוא שלאפסט וואס דארט איז קיינער ניטא פון דעסטוועגין זאלסטו ניט פלוכין דעם רייכין . אונ ווען ער וואלט קיין רייכער אויך ניט גיוועזן . ער איז נאר אזוי אגרויסער מאן . טאר מען אים אויך ניט פלוכין . ווארום עס שטייט אין פסוק ונשיא בעמך לא תאור . אגרויסען מאן פון דיין פאלק זאלסטו ניט פלוכין . האט הורדוס גזאגט צוא בבא ווען טאר מען אים ניט פלוכין אז ער טוהט וויא דיין פאלק טוהט . ער איז פרום . אבער הורדוס האט דאך ניט גיטאהן וויא דיין פאלק טוהט . מעגסטו דאך אים פלוכין . האט בבא גזאגט איך האב מורא אים צוא פלוכין . טאמער וועט אמענטש הערין ווי איך פלוך אים וועט מען אים גיין זאגין . האט הורדוס גזאגט צוא בבא אבער איצט איז דאך קיינער נישטא נעבין אונז . פלוך אים איצט . האט בבא בן בוטי גזאגט עס שטייט אין פסוק דיא פייגלען פון הימעל פירען דעם קול פון מענטשין . האט הורדוס גזאגט צוא בבא בן בוטי איך בין הורדוס . ווען איך וואלט וויסען אז אי' זענט אזוי פרום וואלט איך אייך ניט געהרגת . איצט וואס איז מיין תקנה . מיט וואס זאל איך מכפר זיין דיא עבירה . האט בבא בן בוטי גזאגט צו

ולאה. מניינו לגד ואין סומא: כמי מת. לא מקדשי וגו'. כיסוים דקרא מחמד עיניכם: מכהפינא מלכותא. כסיפים היו למלכי רומיים: מתמלכין. נימלין רשות: אי זייך עלך ספרך כאן. אם נמלאת בכלי מלחמתך שסתרת את בן אחיך. ספר יוחסין שלך בידים מה ידעת שאת עבד: לא רכא ולא בר רכא. לא מלך ולא בן מלך: קלניא מתעבד. נעשה

הוא כבה אורו של עולם ילך ויעס"ק באורו של עולם הוא כבה אורו של עולם רבנן דכתיב (משלי ו) כי נר מצוה ותורה אור ילך ויעסוק באורו של עולם בהמ"ק דכתיב (ישעיה ב) ונהרו אליו כל הגוים א"ד הכי אמר ליה הוא סימא עינו של עולם (רבנן) דכתיב (במדבר טו) ואם מעיני העדה ילך ויעסוק בעינו של עולם (ב"ה) דכתיב (יחזקאל כד) הנני מחלל את מקדשי גאון עוזכם מחמד עיניכם א"ל מכהפינא ממלכותא א"ל שדר שליחא ליזיל שתא באורחא וליעכב שתא וליהדר שתא אדהכי והכי סתרת ליה ובנית ליה עבד הכי שלחו ליה אם לא סתרת אל תסתור אם סתרת אל תבנה אם סתרת ובנית עבדא בישא בתר דעבדין מתמלכין אם זיינך עלך ספרך כאן לא רכא ולא בר רכא הורדוס עבדא קלניא מתעבד ומנא לן דהאי רכא לישנא דמלכותא הוא דכתיב (שמואל ב ג) ואנכי היום רך ומשוח מלך. אבע"א מהכא (בראשית מא) ויקראו

הורדוס דוא האסט פאר לאשן דיא ליכטיגקייט פון דער וועלט: זאלסטו איצט באהען דיא ליכטיגקייט פון דער וועלט. ער האט פארלאשן דיא ליכטיגקייט פון דער וועלט. דאס מיינט מען דיא רבנן וואס ער האט גיהרגת. דיא רבנן זענען דיא ליכטיגקייט פון דער וועלט. אזוי זיא עס שטייט אין פסוק דיא מצוה איז גלייך צו א ליכט. אונ דיא תורה איז דיא ליכטיגקייט. זאל ער גיין אויף באהען דיא ליכטיגקייט פון דער וועלט. דאס מיינט מען דעם בית המקדש. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ונהרו אליו כל הגוים. אלע פעלקער וועלין לייכטען אז זייא וועלין גיין צום בית המקדש. וויל דיא ליכטיגקייט פון בית המקדש וועט שיינען אויף זייא. אנדערע זאגן אזוי האט בבא בן בוטי גזאגט צוא הורדוס. דוא האסט בלינד גימאכט דיא אויגען פון דער וועלט. דאס זענען דיא רבנן וואס דוא האסט גיהרגת. דיא רבנן זענען גוועזען דיא אויגען פון דער וועלט. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אויב עס וועט פארהוילין ווערין פון דיא אויגען פון דער עדה: זאלסטו אויף באהען דעם בית המקדש וואס ער איז דיא אויג פון דער וועלט. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק גאט זאגט איך וועל פראכט מאכען מיין הייליגקייט וואס דאס איז אייערע גרויסע שטארקייט דיא גלוסטיגקייט פון אייערע אויגען. האט הורדוס גזאגט איך האב מורא פאר דעם מלך פון רוים צוא באהען דעם בית המקדש. האט בבא בן בוטי גזאגט צוא הורדוס שיק א שליח צום מלך פון רוים פרעגין אויב דוא זאלסט באהען דעם בית המקדש. א יאהר וועט דער שליח גיין אין וועג ביז ער וועט קומען אין רוים. א יאהר וועט דער שליח זיין אין רוים. א יאהר וועט דער שליח גיין אין וועג פון רוים ביז אהיים. אין דיא דריי יאהר וועסטו קענען צוא ווארפען דעם אלטין בית המקדש אונ אויף באהען א נייעם בית המקדש. האט הורדוס אזוי גיטאהן. אונ האט געשיקט א שליח אין רוים. האט דער מלך פון רוים געשיקט צו הורדוס. אויב דוא האסט נאך ניט צוא ווארפען דעם אלטין בית המקדש. זאלסטו ניט צוא ווארפען. אונ אויב דוא האסט שוין צוא ווארפען. זאלסטו ניט באהען קיין נייעם בית המקדש. אונ אויב דוא האסט שוין צוא ווארפען דעם אלטין בית המקדש. אונ האסט שוין אויף גיבאהט א נייעם בית המקדש. דיא שלעכטע קנעכט דער נאך וויא זייא האבען שוין גיטאהן פרעגין זייא אויב זיי זאלין טאהן. אויב דיינע גיווער איז אויף דיר. וואס דוא האסט גיהרגת דיינע בעלי בתים אבער דיין ספר פון יחוס איז דא פאר שריבען ווער דוא ביסט. לא רכא ולא בר רכא. דוא ביסט ניט א מלך. אונ ניט אזוהן פון א מלך. נאר דער קנעכט הורדוס האט זיך אליין פריי גימאכט. פרעגט דיא גמרא פון וואנען ווייסען מיר אז רכא איז דער טייטש א מלך. וואהרום עס שטייט אין פסוק דוד המלך האט גזאגט ואנכי היום רך ומשוח מלך. איך בין היינט גזאלבט גיווארין פאר א מלך. אונ אז ב דוא ווילסט וועל איך דיר זאגן פון דעם פסוק ויקראו לפניו אברך. דיא מצרים האבען

ויקראו לפניו אברך . אמרו כי שלא ראה בנין הורדוס לא ראה בנין נאה מימיו במאי בנייה אמר רבה באבני שישא ומרמרא א״ד באבני כוחלא שישא ומרמרא אפיק שפה ועייל שפה כי היכי דלקבל סידא סבר למשעייה בדהבא אמרי ליה רבנן שבקיה דהכי שפיר טפי דמחזי כי אדוותא דימא :

בן כוחלא כחולא : כחול . שיש ירוק שקורין ב״ש : ומרמרא . שיש לבן : שישא . שיש לבנה כ״ק כחול : אדוותא דימא . גלי הים שהם נמוכים וגבוהים ונראין מתנענעת כגלים :
עצה להורדוס . לבנות בנין שכתב : מלכי ישפר עלך . עצתי תיטב בעיניך : בצדקה פרוק . במתן עניים : הן תהוי ארכא לשלותך . יהא אורך לשלותך : בלא מלכא . כל פרשיות המגלה בלא מלך : לקצת ירחין תרי עשר . ובסוף שנים עשר חודש הלך על היכל מלכ׳ ש

ג ובבא בן בוטא היכי משיא ליה עצה להורדוס והאמר רב יהודה אמר רב ואיתימא רבי יהושע ב״ל מפני מה נענש דניאל מפני שהשיא עצה לנ״נ דכתיב (דניאל ד) להן מלכא מלכי ישפר עליך וחטאך בצדקה פרוק [ועויתך במחן ענין הן תהוה ארכא לשלותך וגו׳] וכתיב (שם) ולקצת ירחין תרי עשר . אי בעית אימא שאני עבדא דאיחייב במצות ואבע״א שאני בהמ״ק דלא סגי בלא מלכא ומנ״ל דאיענש אילימא משום דכתיב (אסתר ד) ותקרא אסתר להתך ואמר רב התך זה דניאל הא ניחא למ״ד שהתכוהו מגדולתו אלא למ״ד שכל דברי מלכות

געשטופט פאר יוסף יונגער קעניג . מען האט געזאגט ווער עס האט ניט געזעהן דעם בית המקדש וואס הורדוס האט געבאוט . האט ער אויף זיין לעבען ניט געזעהן קיין שיינע געבאוי . מיט וואס האט ער געבאוט דעם בית המקדש . רבה זאגט מיט גרינע מירמעל שטיין און מיט ווייסע מירמעל שטיין . אנדערע זאגען ער האט געבאוט מיט דריי ערליא שטיינער . בלויע מירמעל שטיין . און גרינע מירמעל שטיין . און ווייסע מירמעל שטיין . איין שורה שטיינער זענען געווען ארויס און איין שורה אריין . די מאפיגע זאל זיך האלטען . הורדוס האט געוואלט בקלעבן די ווענט מיט גאלד . האבען די רבנן צו אים געזאגט זאל אזוי זיין . אזוי איז שענער . עס זעהט אויס ווי די וועלען פון ים וואס איינער איז ארויף און איינער אראפ און דאס בלענדט די אויגען . אזוי די פערשידענע קאלירן פון די שטיינער בלענדן אויך די אויגען :

ג ובבא . פרעגט די גמרא ווי אזוי האט געמעגט בבא בן בוטא געבען אעצה צו הורדוס מיט וואס ער זאל מכפר זיין זיינע עבירות . רב יהודה האט דאך געזאגט פון רבס וועגן . אנדערע זאגן רבי יהושע בן לוי האט געזאגט פאר וואס איז דניאל געשטראפט געווארן . ווייל ער האט געגעבן אעצה צו נבוכדנצר וואס ער זאל מאכן עס זאל אויף אים ניט מקוים ווערן דער חלום . אזוי ווי עס שטייט אין פסוק דניאל האט געזאגט צו נבוכדנצר . מלך מיין עצה זאל דיר געפעלן . דיינע זינד זאלסטו אים לייזן מיט צדקה . דיין פאר קריגונג זאלסטו אים לייזן מיט די טובות וואס דו וועסט מאכן צו ארעמע לייט . וועט זיין אן ערלייכטערונג צו דיין פרידען . און עס שטייט דיין פרידען איז דער לייגערט געווארן ביז צוועלף חדשים . ענטפערט די גמרא אז דוא ווילסט וועל איך דיר זאגן נבוכדנצר איז געווען אגוים האט מען אים ניט געטארט געבן אעצה . אבער הורדוס איז געווען אקנעכט וואס ער איז געווען פאר באפוילן צו מאכן אלע מצות וואס אאשה דארף מאכן . איהם האט מען יא געמעגט געבן אעצה . און אז דוא ווילסט וועל איך דיר זאגן ווייל דער בית המקדש מוז געבאוט ווערן דורך אמלך דעריבער איז דאך די עצה ניט געווען הורדוס זאל האבען אטובה . נאר די יודן זאלן האבען אטובה . דעריבער האט מען געמעגט געבן צו הורדוס די עצה ער זאל באהען דעם בית המקדש . אבער די עצה וואס מען האט געגעבן צו נבוכדנצר איז געווען נבוכדנצרס טובה . דעריבער האט מען אים ניט געטארט געבן די עצה , פון וואנען ווייסן מיר אז דניאל איז געשטראפט געווארן . וואלין מיר זאגן ווייל עס שטייט אין פסוק אסתר האט גערופן אתך בריינגער התך . און רב האט געזאגט התך איז דניאל . דאס איז רעכט נאך דעם וואס זאגט פאר וואס האט מען אים גערופן התך ווייל אזוי מיט אזוי ווערן פארמאכטס איז גלייך ווי ער

מלכות. נחתבין על פיו מאי איבא למימר שהשליכוהו לגוב אריות: (דף ג ע"ב) ובבא בן בוטא היכי אסביה עצה להורדוס למסתריה לבהמ"ק והאמר רב חסדא לא לסתור איניש בי כנישתא עד דבני בי כנישתא אחריתי אבע"א שאני מלכותא דלא הדרא ביה דאמר שמואל אי אמר מלכותא עקרנא טורא עקר ולא הדר ביה (אבע"א תיוהא חזי ביה):

פירוש

י"ב תודש: תיוהא. ניקוש שהיה מזומן ליפול: ולא אשתעי בהדיה. לפי שהפסיק בין העניים בליעקים ואין קולם נשמע: כמה דשורה ארבנן. הטיל יציאת חומת העיר על החכמים כמו [על] שאר בני העיר: חול שהוא מועט, ממעשיהם של צדיקים: מגין על הים.

(דף ז ע"ב) **ד ההוא** חסידא דהוה רגיל דקא משתעי אליהו בהדיה בנה בית שער ולא אשתעי בהדיה:

ה רבי יהודה נשיאה רמא דשורא ארבנן א"ל רשב"ל רבנן לא צריכי נטירותא דכתיב (תהלים קלט) אספרם מחול ירבון (מאי אספרם כחול ירבון אי נימא צדיקים) [אספרם לכאן אילימא לצדיקים דנפישי מחלא] השתא בכולהו ישראל כתיב בהו (בראשית כב) כחול אשר על שפת הים צדיקים דאית בהו נפישי מחלא אלא אלו מעשיהם של צדיקים שאספרם מחול ירבון וק"ו ומה חול שמועט מגין על הים מעשיהם של צדיקים

וואלט גיהייסן חתך. חתך איז טייטש אפ געשניטען. מען האט אים אפ געשניטען פון זיין גרויסקייט. דאס איז גיוועזן זיין שטראף. אבער נאך דעם וואס זאגט דריבער האט מען איהם גירופין התך ווייל אלע קעניגליכע זאכין זענען אפ געשניטען גיווארין דורך אים. דאס מיינט מען אין דיא גאנצע קעניגרייך איז קיין זאך ניט גיטאהן גיווארין אן דניאלס עצה. מיט וואס איז דניאל גישטראפט גיווארין. ענפערט דיא גמרא זיין שטראף איז גיוועזן וואס מען האט אים אריין גיווארפין אין גרוב צוא דיא לייבין. פרעגט דיא גמרא וויא אזוי האט בבא בן בוטא גיגעבין אעצה צו הורדוס ער זאל צווארפין דעם בית המקדש. רב חסדא האט דאך גיזאגט אמענטש טאר ניט צוא ווארפין אשוהל. ביז ער וועט האבין אויף גיבאהט איין אנדער שוהל. ענפערט דיא גמרא אמלך איז אנדערש. ער מעג צו ווארפען איידער ער באהט. ווייל ער וועט ניט חרטה האבען. ער וועט געוויס אויף באהען. ווארום שמואל האט גיזאגט אויב אמלך זאגט איך וועל אוים רייסען בערג. וועט ער זייא געוויס אוים רייסען אונ וועט ניט חרטה האבען: אבער ביי אפראסטען מענטש האבען מיר מורא טאמער נאך דעם צוא ווארפען וועט ער חרטה האבען אונ וועט ניט אויף באהען קיין נייע שוהל. אנדערע זאגין ווייל אין בית המקדש איז גיוועזן פיל שפאלטען אין דיא ווענט אונ מען האט מורא גיהאט טאמער וועט אליין איין פאלען. דריבער האט מען אים גימעגט צוא ווארפען באלד:

ד ההוא. עס איז אמאהל גיוועזן אחסיד וואס ער איז גיוואוהנט גיוועזן אליהו הנביא זאל מיט אים שמועסין. האט דער חסיד גיבאהט פאר דעם טויער פון זיין הויף אשטיבול. דער היטער פון זיין הויף זאל דארט זיצען. האט אליהו שוין ניט גיוואלט שמועסין מיט דעם חסיד. ווייל דיא ארעמע לייט וועלין ניט קענען אריין קומען אין הויף ווייל דער היטער וועט זייא ניט אריין לאזין. אונ אז זייא וועלין שטיין אין גאס וועט מען ניט הערין אין שטוב זייער גיבעט:

ה רבי יהודה נשיאה האט ארויף גיווארפין אויף דיא רבנן זייא זאלין אויך געבין צוא שטייער גלייך מיט אלע בעלי בתים פון שטאט מען זאל מאכין אמאהער ארום די שטאט. האט רבי שמעון בן לקיש גיזאגט צוא רבי יהודה דיא רבנן דארפין ניט קיין היטונג. ווארום עס שטייט אין פסוק איך וועל זייא ציילין וועלין זייא זיין מער וויא זאמד. וועמען וועט מען ציילין. איך זאל זאגין מען וועט ציילין דיא צדיקים. אונ זייא וועלין זיין מער וויא זאמד. מאראך ביי אלע יודין שטייט זייא וועלין זיין אזוי וויא דיא זאמד וואס געבין דעם ברעג ים. וועלין דיא צדיקים פון דיא יודין זיין מער וויא דיא זאמד וויא אזוי קען דאס זיין. נאר דאס מיינט מען דיא גוטע מעשים פון דיא צדיקים אז מען וועט זייא ציילין וועלין זייא זיין מער וויא דיא זאמד פון ים. איז

צדיקים שהם מרובים עאכ"ו , **כי אתא** לקמיה **דרבי יוחנן א"ל** אמאי לא תימא ליה מהאי קרא (שיר ח) אני **חומה ושדי** כמגדלות אני חומה זו תורה ושדי כמגדלות (דף ח) אלו תלמידי חכמים והוא סבר לה כדדרש רבא אני חומה זו כיסת ישראל ושדי כמגדלות אלו בתי כנסיות ובתי מדרשות (רב הונא) [רב נחמן] בריה דרב חסדא שרא כרגא ארבנן **א"ל** ר"נ בר יצחק **עברת** אדאורייתא אדנביאים אדכתובים . אדאורייתא דכתיב (דברים לג) אף חובב **עמים** כל קדושיו בידך **אמר** משה **לפני** הקב"ה רבש"ע אפילו בשעה שאתה מחבב העכו"ם **יהיו** כל **קדושיו** בידך . והם תכו לרגלך תני רב יוסף אלו ת"ח שמכתתין את רגליהם **מעיר** לעיר וממדינה למדינה ללמוד תורה . ישא מדברותיך לישא וליתן בדבריו **של** מקום . ארנביאים דכתיב (הושע ח) גם כי יתנו בגוים עתה אקבצם ויחלו מעט **ממשא מלך** שרים אמר (רבא) [עולא] פסוק זה בלשון ארמית נאמר אם כלם יתנו בגוים עתה אקבצם ואם מעט מהם ויחלו ממשא מלך ושרים . אדכתובים דכתיב (עזרא ז)
מנדה

וזהו לו חומה כדכתיב אשר שמתי חול גבול לים : אלו ת"ח . אלמא אין צריכין חומה : זו כנסת ישראל . בכולן שוין לענין חומה וגודרין עמהו מליסטים בעכו"ם : שאתה מחבב העכו"ם . ומראיב נפש פניס להמפילם על בניך : כל קדושיו . של ישראל בידך הם לשומרם : בלשון ארמי נאמר : יתנו תרגום של ישנו כמו ושנתם ותנינון : אם כולם . וכן יזכה יהיו שונים ועוסקים בתורה כשיגלו באומות : עתה אקבצם . בקרוב אקבצם : ויחלו מעט ממשא . וגומר

דאך אקל וחומר . מאדאך דיא זאמד וואס זייא זענען ווייניגער וויא דיא גוטע מעשים פון דיא צדיקים . פון רעסטוועגין בעשיצען זייא אויף דעם ים אזוי וויא עס וואלט געוועזן אמאהער ארום ים . דיא גוטע מעשים פון דיא צדיקים וואס זייא זענען מער וויא דיא זאמד בעשיצען זייא געוויס אויף דיא צדיקים אזוי וויא עס וואלט געוועזן אמאהער ארום זייא . אז ריש לקיש איז געקומען פאר רבי יוחנן ; האט רבי יוחנן געזאגט צוא ריש לקיש פאר וואס האסטו ניט געזאגט צוא רבי יהודה פון דעם פסוק . איך בין אמאהער אונ מיינע בריסט זענען וויא דיא טורעמס . איך בין אמאהער דאס זאגט דיא תורה . אונ מיינע בריסט זענען וויא דיא טורעמס דאס מיינט מען דיא תלמידי חכמים . זעהן מיר אז דיא תורה איז וויא אמאהער צוא היטען דיא תלמידי חכמים . אונ ריש לקיש האט געדרשת דעם פסוק אזוי וויא רבא האט גידרשת . איך בין אמאהער דאס מיינט מען דיא יודין זייא זענען ארום געצאמט אזוי וויא מיט אמאהער זייא זאלין זיך ניט צוא מישען מיט דיא פעלקער . אונ מיינע בריסט זענען וויא דיא טורעמס דאס מיינט מען דיא שוהלען וואס מען דאווינט אין זייא אונ דיא בתי מדרשים וואס מען לערינט אין זייא תורה . רב נחמן בריה דרב חסדא האט ארויף געווארפין פאדאטקעס אויף דיא רבנן . האט רב נחמן בר יצחק געזאגט צוא רב נחמן בריה דרב חסדא דוא האסט עובר געוועזן אויף דער תורה אונ אויף דיא נביאים אונ אויף כתובים . אויף דער תורה האסטו עובר געוועזן ווארום עס שטייט אין דער תורה אף חובב עמים כל קדושיו בידך . משה הט געזאגט פאר גאט רבונו של עולם . אף חובב עמים . אפילו ווען דוא האסט ליב די פעלקער אונ דוא מאכסט זייא געוועלטיגען אויף דיא יודין . אבער דיא הייליגע צדיקים פון דיא יודין זאלין זיין אין דיין האנט ניט אין זייער האנט . והם תכו לרגליך . אונ זיי ווערין צו שטויסין פון דיינעטוועגין . רב יוסף האט גילערנט דאס מיינט מען דיא תלמידי חכמים וואס זייא צו שטויסין זייערע פיס אונ גייען פון איין שטאט צו די אנדערע אונ פון איין מדינה צוא דיא אנדערע זייא זאלין לערנען תורה . ישא מדברותיך ; זייא זאלין זיך בעשעפטיגען מיט דיינע רייד . מיט דיא רייד פון דיא תורה . זעהן מיר אז דיא צדיקים זענען ניט אין דיא האנט פון דיא פעלקער זייא זאלין דארפין געבין פאדאטקעס צוא דיא פעלקער . אויף דיא רייד פון דיא נביאים האט ער עובר ג וועז . ווארום עס שטייט אין פסוק גם כי יתנו בגוים עתה אקבצם ויחלו מעט ממשא מלך שרים . עולא זאגט דער גאנצער פסוק איז געזאגט געווארין אויף לשון ארמית . ניט אויף לשון קודש . אם כלם יתנו בגוים . אויב אלע יודין וואס זענען צווישען דיא פעלקער ווערין לערנען . עתה אקבצם . וועל איך זייא שוין פאר זאמלען . ואם מעט מהם . אונ אויב

ואף אם מועטים הם השונים בעמים יחלו ממשא מלך ושרים יהיו בטלים מלשאת משא מלך ושרים. יחלו כמו לא יחל דברו: מנדה בלו והלך. דריוש לוה את פחת עבר הנהר על אנשי כנסת הגדולה: מנת המלך. מגבת מכים שהם מטילין תמיד על בני המדינה: ארנונא. עשורי תבואות ובהמה מדי שנה בשנה:

ככלב וכעורב. שחס הקב"ה עליהם שנאמר יודע צדיק דין דלים לפי שהכלב מזונותיו מועטין לפיכך שוהה אכילתו במעיו שלשה ימים וגבי עורב כתיב לבני עורב אשר יקראו לפי שהעורב אכזרי על בניו והקב"ה מזמין להם יתושין מתוך צואתם ואוכלים: דמי כלילא. עטרה למלך קיסר: אתו. עמי הארץ

מנדה בלו והלך לא שליט למרמא עליהם ואמר רב יהודה מנדה זו מנת המלך בלו זה כסף גולגלתא והלך זה ארנונא:

(דף ח) ן **רבי** פתח אוצרות בשני בצורת ואמר יכנסו בעלי מקרא **בעלי** משנה בעלי תלמוד [בעלי הלכה] בעלי אגדה אבל עמי הארץ אל יכנסו דחק יונתן בן עמרם ונכנס א"ל רבי פרנסני א"ל קרית א"ל לאו א"ל שנית א"ל לאו א"ל א"כ במה אפרנסך א"ל פרנסני ככלב וכעורב פרנסיה לאחר שיצא יתיב רבי וקא מצטער אמר אוי לי שנתתי פתי לעם הארץ אמר לפניו ר"ש בר רבי שמא יונתן בן עמרם תלמידך הוא שאינו רוצה ליהנות בכבוד תורה [מימיו] בדקו אחריו ומצאו אמר רבי יכנסו הכל רבי לטעמיה דאמר רבי אין פורענות באה לעולם אלא בשביל עמי הארץ כי ההוא דמי כלילא דשדי אטבריא אתו לקמיה דרבי ואמרו ליה ליתבו רבנן בהדן אמר להו לא אמרו ליה ערוקינן א"ל

אַבִּיסֵל פוּן דִיא יוּדִין וֶועלִין לֶערנֶען. וְיָחֵלּוּ מִמַּשָּׂא מֶלֶךְ שָׂרִים. וֶועלִין זֵייא זַיין פְרַייא פוּן צוּא גֶעבִּין פָאדַאטֶקְעס צוּם מֶלֶךְ אוּנ צוּא דִיא שָׂרִים. זֶעהְן מִיר אַז דֶער וָואס לֶערוּנְט תּוֹרָה אִיז עֶר פְרַייא פוּן פָאדַאטֶקְעס. אוֹיף דִיא רֵייד פוּן כְּתוּבִים הָאט עֶר עוֹבֵר גִיוֶוען וָוארוּם עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק דֶער מֶלֶךְ דָרְיָוֶשׁ הָאט גֶעזָאגְט צוּא זַיינֶע פִירְשְׁטֶען מִנְדָה בְלוֹ וַהֲלָךְ זָאלְט אִיהר נִישְׁט גִיוֶועלְטִיגֶען אַרוֹיף צוּא וַוארְפִין אוֹיף דִיא חֲכָמִים. אוּנ רַב יְהוּדָה הָאט גִיזָאגְט מִנְדָה אִיז דִיא פָאדַאטֶקְעס וָואס דִיא מְדִינָה בַּארְף גֶעבִּין פוּן הַייזֶער אוּנ פְלֶעצֶער: בְּלוֹ אִיז קָאפּ גֶעלְט. וָואס יֶעדֶער מֶענְטְשׁ צָאלְט פַאר זִיךְ: הֲלָךְ אִיז וָואס מֶען גִיט אַצֶעהְנְטִיל פוּן תְּבוּאוֹת אוּנ פוּן בְּהֵמוֹת צוּם מֶלֶךְ. פוּן דִיא אַלֶע פָאדַאטֶקְעס זֶענֶען חֲכָמִים פְרַייא:

ן רַבִּי הָאט גִיעֶפֶענְט שְׁפַּייכְלֶערְם תְּבוּאָה צוּ טֵיילֶען אָרֶעמֶע לֵייט אִין אַהוּנְגֶער יָאהר. אוּנ עֶר הָאט גִיזָאגְט דִיא מֶענְטְשִׁין וָואס הָאבֶּען גִילֶערוּנְט תנ"ךְ. אָדֶער מִשְׁנָיוֹת. אָדֶער גְּמָרָא. אָדֶער דִּינִים. אָדֶער אַגָּדוֹת. זָאלִין אַרַיין קוּמֶען אִין דִיא שְׁפַּייכְלֶערְם נֶעמֶען עֶסִין. אָבֶּער עַמֵּי הָאֲרָצִים זָאלִין נִיט אַרַיין קוּמֶען. הָאט יוֹנָתָן בֶּן עַמְרָם זִיךְ אַרַיין גִיקְוֶועטְשְׁט אוּנ אִיז אַרַיין גִיגַאנְגֶען אִין אַשְׁפַּייכְלֶער. אוּנ עֶר הָאט גִיזָאגְט צוּ רֶבִּי שְׁפַּייז מִיךְ: הָאט רֶבִּי גִיזָאגְט צוּ יוֹנָתָן הָאסְטוּ גִילֶערוּנְט תנ"ךְ. הָאט יוֹנָתָן גִיזָאגְט נֵיין: הָאסְטוּ גִילֶערוּנְט מִשְׁנָיוֹת: הָאט עֶר גִיזָאגְט נֵיין. הָאט רֶבִּי צוּ אִיהם גִיזָאגְט מִיט וָואס וֶועל אִיךְ דִיךְ שְׁפַּייזִין. הָאט יוֹנָתָן גִיזָאגְט צוּ רֶבִּי שְׁפַּייז מִיךְ אַזוֹי וִויא גָאט שְׁפַּייזְט דֶעם הוּנְט אוּנ דִיא קְרָאה. הָאט רֶבִּי אִיהם גִיגֶעבִּין שְׁפַּייז: דֶער נָאךְ וִויא יוֹנָתָן אִיז אַרוֹיס גִיגַאנְגֶען פוּן שְׁפַּייכְלֶער. אִיז רֶבִּי גִיזֶעסִין אוּנ הָאט גִיהַאט צַעַר. אוּנ הָאט גִיזָאגְט וֵויא צוּ מִיר אִיךְ הָאבּ גִיגֶעבִּין מַיין בְּרוֹיט אַעַם הָאָרֶץ. הָאט רַבִּי שִׁמְעוֹן דֶער זוּהן פוּן רֶבִּי גִיזָאגְט צוּ רֶבִּי. טָאמֶער אִיז דָאס גִיוֶוען יוֹנָתָן בֶּן עַמְרָם דַיין תַּלְמִיד. וָואס עֶר וִויל קֵיין מָאהל נִיט הֲנָאָה הָאבִּין פוּן דֶער תּוֹרָה. הָאט מֶען נָאךְ גִיזוּכְט אוּנ עֶס אִיז טַאקִי אַזוֹי גִיוֶוען. דָאס אִיז גִיוֶוען יוֹנָתָן בֶּן עַמְרָם. דֶער נָאךְ הָאט רֶבִּי גִיזָאגְט אַלֶע יוּדִין מֶעגִין אַרַיין גֵיין גִישְׁפַּייזְט וֶוערִין פוּן דִיא שְׁפַּייכְלֶערְם: פַאר וָואס הָאט רֶבִּי נִיט גִיוָואלְט שְׁפַּייזִין דִיא עַמֵּי הָאֲרָצִים. וַוייל רַבִּי הָאט גִיזָאגְט אַלֶע פּוּרְעָנִיּוֹת וָואס קוּמֶען אוֹיף דֶער וֶועלְט. קוּמְט נָאר דוּרְךְ דִיא עַמֵּי הָאֲרָצִים. אַמָאהל הָאט דֶער מֶלֶךְ אַרוֹיף גִיוָוארְפֶען אוֹיף דִיא מֶענְטְשִׁין פוּן טְבֶרְיָא זֵייא זָאלִין מַאכִין פוּן זַיינֶעט וֶועגִין אַקְרוֹין. זֶענֶען דִיא עַמֵּי הָאֲרָצִים גִיקוּמֶען פַאר רַבִּי אוּנ הָאבֶּען גִזָאגְט זָאלִין דִיא רַבָּנָן אוֹיךְ גֶעבִּין גֶעלְט צוּא דִיא קְרוֹין. הָאט רַבִּי צוּא זֵייא גִזָאגְט דִיא רַבָּנָן וֶועלִין נִיט גֶעבִּין. הָאבֶּען דִיא עַמֵּי הָאֲרָצִים גִזָאגְט צוּא רַבִּי אוֹיב זִיא רַבָּנָן וֶועלִין נִיט גֶעבִּין וֶועלִין מִיר אַנְטְלוֹיפֶען פוּן

א"ל ערוקו ערוק פלגא דליוה לפלגא אתו הנהו פלגא קמיה דרבי אמרו ליה ליתבו רבנן בהדן אמר להו לא אמ"ו ליה ערוקינן אמר להו ערוקו ערוק כולהון פיש ההוא כובס שדיוה אכובס ערק כובס פקע כלילא אמר רבי ראיתם שאין פורענות באה לעילם אלא בשביל עמי הארץ :

לקמיה דרבי : דליוה לפלגא . מחלו המלך דמי כתלי ונלקח מעליהם : שדיוה אכובס. הטעינה פחות המלך על הכובס :
שכי כולהו איתנהו ביה שהוא ביד העכו"ם לעשות בו כל חפצו אם למות אם להרג אם לרעב :

ז **איפרא** הורמיז אמיה דשבור מלכא שדרה ארנקי דדינרי קמיה דרב יוסף אמרה ליה תהוי דא למצוה רבה יתיב רב יוסף וקא מעיין בה מצוה רבה מאי היא א"ל אביי מדתני רב שמואל בר יהודה אין פוסקין צדקה על היתומים אפילו לפדיון שבוים ש"מ מצוה רבה (ע"ג) פדיון שבוים הוא . א"ל רבא לרבה בר מרי מנא הא מלתא דאמור רבנן מצוה רבה פדיון שבוים הוא [א"ל] דכתיב (ירמיה טו) והיה כי יאמרו אליך אנה נצא ואמרת אליהם כה אמר ה' אשר למות למות ואשר לחרב לחרב ואשר לרעב לרעב ואשר לשבי לשבי וא"ר יוחנן כל המאוחר בפסוק זה קשה מחברו חרב קשה ממות אבע"א סברא ואבע"א קרא . אבע"א סברא האי מינוול והאי לא קא מינוול . אבע"א קרא (תהלים קטו) יקר בעיני ה' המותה לחסידיו . רעב קשה מחרב אבע"א סברא ואבע"א קרא

שטאט. האט רבי צוא זייא גזאגט לויפט . זענען העלפט עמי הארצים אנטלאפין . האט דער קיסר אראפ גענומען פון זייא אהאלבע קרוין . אונ האט גזאגט מען זאל נאר געבין געלט אויף אהאלבע קרוין . זענען דיא העלפט עמי הארצים גיקומען פאר רבי . אונ האבען גזאגט צו אים זאלין דיא רבנן אויך געבין מיט אונז אויף דיא האלבע קרוין . האט רבי גזאגט דיא רבנן וועלין ניט געבין . האבען דיא עמי הארצים גזאגט וועלין מיר אויך אנטלויפען . האט רבי צוא זייא גזאגט לויפט . זענען אלע עמי הארצים אנטלאפין : איז געבליבען אוועשער . האט מען ארויף גיווארפען אויף דעם וועשער ער זאל געבין געלט צוא מאכען דיא קרוין . איז דער וועשער אויך אנטלאפין . איז צוא שפאלטען גיווארין דיא קרוין . האט מען ניט גימאכט דיא קרוין . אונ מען הט ניט גזאגט די רבנן זאלין מאכען די קרוין . הט רבי גזאגט איצט זעהט מען אז די פורענות וואס קומט אויף דער וועלט איז נאר דורך די עמי הארצים :

ז איפרא הורמיז דיא מוטער פון מלך פרס : האט געשיקט אבייטיל געלט צוא רב יוסף . אונ זיא האט גזאגט דאס געלט זאל זיין אויף אגרויסע מצוה . איז רב יוסף גיזעסין אונ האט גיקלערט וועלכעס הייסט אגרויסע מצוה . האט אביי גזאגט צוא רב יוסף ווייל רב שמואל בר יהודה האט גילערנט מען נעמט ניט פון יתומים געלט אויף צדקה : אפילו אוים צוא לייזין גיפאנגענע נעמט מען אויך ניט . זעהן מיר אז אוים צו לייזין גיפאנגענע איז דיא גרעסטע מצוה פון צדקה . רבא האט גזאגט צוא רבה בר מרי פון וואנען ווייסען מיר דיא זאך וואס דיא רבנן האבען גזאגט אוים צוא לייזין גיפאנגענע איז דיא גרעסטע מצוה . האט רבה גזאגט ווארום עס שטייט אין פסוק אונ עס וועט זיין אז זייא וועלין זאגין צוא דיר וואו הין וועלין מיר גיין : זאלסטו זאגין צוא זייא אזוי האט גאט גזאגט ווער עס דארף שטארבין וועט גיין צום שטארבן : אונ ווער עס דארף גיהרגת ווערין דורך דעם שווערד . וועט גיין צום שווערד . אונ ווער עס דארף שטארבין פון הונגער . וועט שטארבין פון הונגער . אונ ווער עס דארף גיפאנגען ווערין . וועט גיפאנגען ווערין . אונ רבי יוחנן זאגט וועלכעס עס שטייט שפעטער אין פסוק . איז ארגער פאר דיא פריערדיגע . גיהרגת ווערין דורך דעם שווערד איז ערגער וויא צו שטארבין אויף דעם בעט . אז דוא ווילסט וועל איך דיר זאגין מיט דעם פאר שטאנד . אונ אז דוא ווילסט וועל איך דיר זאגין מיט אפסוק . אז דוא ווילסט וועל איך דיר זאגין מיט דעם פאר שטאנד . אז מען ווערט גיהרגת מיט דעם שווערד איז דער מענטש פאר מיאוסט . אונ אז מען שטארבט אויף דעם בעט איז מען נישט פאר מיאוסט . אונ אז דוא ווילסט וועל איך דיר זאגין מיט

קרא . אבע"א סברא האי קא מצטער האי לא קא מצטער ואבע"א קרא (איכה ד) טובים היו חללי חרב מחללי רעב . שבי קשה מכולם דכולהו איתנהו ביה :

ח אמר מר אין עושין שררות על הצבור פחות משנים מנא ה"מ אמר רב נחמן אמר קרא (שמות כח) והם יקחו את הזהב וגו' שררות הוא דלא עבדי הא הימוני מהימן מסייע ליה לרבי חנינא דאמר ר"ח מעשה ומינה רבי שני אחין על הקופה מאי שררותא דאמר רב נחמן אמר רבה בר אבוה לפי שממשכנין על הצדקה אפילו בע"ש :

ט איני והכתיב (ירמיה ל) ופקדתי על כל לוחציו ואמר רב יצחק בר שמואל בר מרתא משמיה דרב אפילו על גבאי צדקה לא קשיא הא דאמיד הא דלא אמיד כי הא דרבא אכפייה לרב נתן בר אמי ושקיל מיניה ד' מאה זוזי לצדקה . (דניאל יב) והמשכילים יזהירו

כא הימוני מסימן. יחיד לסיות גזבר : שני אחין . לגבי הימנותא כחד דמי : מאי שררותיה . דקופה דקאמרת עלה לפי שאין עושין שררה על הציבור וכו' : [אפילו בע"ש שיש פתחון פה לבעל הבית לומר טרוד אני] :
ופקדתי על וכו'. אלמא אסור למשכן: אמיד. עשיר: וגבאי צדקה . המשכילים אל דל מהו צריך :

אפסוק יקר בעיני ה' המותה לחסידיו . צוא שטארבען אויף זיין בעט דאס איז ביי גאט טייער . נישט יעדער מענטש איז זוכה צוא דעם . נאר דיא פרומע . צוא שטארבען פון הונגער איז ערגער וויא צוא שטארבען פון שווערד . אז דוא ווילסט וועל איך דיר זאגין מיט דעם פאר שטאנד . און אז דוא ווילסט וועל איך דיר זאגין מיט אפסוק . אז דוא ווילסט וועל איך דיר זאגין מיט דעם פאר שטאנד . דער וואס שטארבט פון הונגער האט גרויס צער פריער ביז ער שטארבט . און דער וואס ווערט גיהרגת פון שווערד . ווערט ער גיהרגת אין איין מנוט . און ער האט ניט קיין צער . און אז דוא ווילסט וועל איך דיר זאגין מיט אפסוק . דיא מענטשין וואס זענען דער שלאגין גיווארין פון שווערד . זייא איז בעסער גיוועזן וויא דיא מענטשין וואס זענען נישטארבען פון הונגער . די מענטשין וואס ווערין גיפאנגען זייא איז ערגער וויא אלע . ווארום דער גוי קען מיט אים אלץ טאהן . ער קען אים הרגנן מיט אשווערד . און ער קען אים לאזין שטארבען פון הונגער . דריבער איז אגרויסע מצוה אויס לייזין דיא געפאנגענע :

ח אמר . דיא גמרא זאגט מען טאר ניט מאכען ערצטע אויף אשטאט ווייניגער ווי צוויי מענטשין . פון וואנען ווייסען מיר דאס . האט רב נחמן גזאגט דער פסוק זאגט זייא זאלין נעמען דיא גאלד פון משכן : אז מען זאגט . זייא . איז דאך מער וויא איינער . און ניט ווייניגער וויא צוויי . פרעגט דיא גמרא ערצטע אויף דיא שטאט טאר ניט זיין ווייניגער וויא צוויי . אבער מען גלויבט איינעם אויך ער זאל זיין אגבאי א"יף געלט . וועט זיין אראיה צוא רבי חנינא . ווארום רבי חנינא האט גזאגט . עס האט אמאהל גיטראפען רבי האט גימאכט צווייא ברידער פאר גבאים אויף דיא געלט פון שטאט . און צווייא ברידער זענען אזוי וויא איין מענטש . מעג דאך איין מענטש אויך זיין אגבאי אויף פרעמדע געלט . זאגט דיא גמרא מיט וואס הייסט מען אערצטער אויף דיא שטאט . ווארום רב נחמן האט גזאגט פון רבה בר אבוהם וועגין . וייל דער עלצטער פון שטאט קען שיקען נעמען אמשכון ביי איינעם ער זאל געבין אויף צדקה . אפילו ערב שבת מעג ער אויך הייסען נעמען אמשכון :

ט איני . פרעגט דיא גמרא עס איז דאך ניט אזוי . ווארום עס שטייט אין פסוק גאט זאגט איך וועל בפעלין צוא שטראפין אלע וואס האבען דיא יודין צוא געדריקט . האט רב יצחק בר שמואל בר מרתא גזאגט פון רבס וועגין אפילו אויף דיא גבאים פון צדקה וועט אויך גאט בפעלין . זעהן מיר דאך אז דער גבאי פון צדקה טאר קיינעם ניט צוא דריקען . זאגט דיא גמרא עס איז ניט קיין קשיא אז דער מענטש איז אנגיד און ער קען געבין צדקה . נאר ער וויל ניט . מעג דער גבאי ביי אים נעמען אמשכון . אבער אז דער מענטש קען ניט געבין צדקה און דער גבאי גייט אים ער מוז געבין . וועט דער גבאי גישטראפט ווערין . אזוי וויא רבא האט גינייט

יזהירו כזוהר וגו' זה דיין שדן דין אמת לאמתו וגבאי צדקה (שם) ומצדיקי הרבים ככוכבים לעולם ועד אלו מלמדי תינוקות כגון מאן כגון רב שמואל בר שילת דרב אשכחיה לרב שמואל בר שילת דהוה קאי בגינתיה א"ל שבקת להימנותיך א"ל דא תליסר שנין דלא חזאי והשתא נמי דעתאי להתם ורבנן מאי אמר רבינא (סיפסים ה) ואוהביו כצאת השמש בגבורתו :

מלמדי תינוקות . מלמדין לרבים הם שמלמדין ומתכוין אותן בדרך טובה : שבקתיה להימנותך . שהיית רגיל ללמדם באמונה וליסב על גבן תמיד : דעתאי להתם . לתינוקות : ורבנן מאי . ת"ח העוסקין בתורה תמיד מאי כתיב בהו : לפרוש זה מזה. מפני החשד שלא יאמרו זה הגונב יחידי דעתו לגנוב : אבל זה פורש לחנות וזה לשער . זה לגבות מיושבי השער וזה לגבות מיושבי החנות ונלבד שיראו שניהם כאחד : לא יתנם לתוך

י ת"ר גבאי צדקה אינן רשאין לפרוש זה מזה אבל פורש זה לשער וזה לחנות מצא מעות בשוק לא יתנם בתוך כיסו אלא נותנם תוך ארנקי של צדקה ולכשיבא לביתו יטלם כיוצא בו היה נושה בחברו מנה ופרעו בשוק לא יתנם בתוך כיסו אלא נותנן לתוך ארנקי של צדקה וכשיבא לביתו יטלם . תנו רבנן גבאי צדקה

רב נתן בר אמי אונ ער האט פון אים גינומען פיר הונדערט גילדין אויף צדקה . ווייל רב נתן איז גיוועזן אנגיד אונ ער הט גיקענט געבין צדקה . עס שטייט אין פסוק דיא קלוגע וועלין שיינען וויא דיא שיינקייט פון הימעל . וועמען מיינט מען דיא קלוגע . דאס מיינט מען דעם דיין וואס פאר אים קומט אדין תורה . אונ ער איז אחכם צו פאר שטיין ווער עס איז גירעכט אונ ווער ניט . אונ ער פסקנט אאמתה דין תורה . אונ נאך מיינט מען דעם גבאי פון צדקה . וואס ער איז קלוג צוא פאר שטיין אויף יעדער ארעם מאן וואס ער דארף . אין פסוק שטייט דיא וואס מאכען פרום פיל מענטשין וועלין זיין וויא דיא שטערין וואס זענען אייביג . דאס מיינט מען דיא מלמדים וואס לערנען מיט קינדער תורה אונ מוסר אונ מאכען זייא פרום . אזוי וויא וועלכער מלמד . אזוי אמלמד וויא רב שמואל בר שילת איז גיוועזן . רב האט אמאהל גיטראפען רב שמואל בר שילת איז גישטאנען אין זיין גארטען . האט רב גזאגט צוא רב שמואל האסט שוין אוועק גילאזין דיין אמונה . דוא פלעגסט אייביג לערנען מיט דיא קינדער מיט אמת : אונ איצט האסטו גילאזין דיא קינדער אונ ביסט גיקומען אין גארטען . האט רב שמואל גזאגט צוא רב עס איז שוין דרייצעהן יאהר וויא איך האב ניט גיזעהן דעם גארטען . אונ איצט אז איך בין אין גארטין איז אויך מיינע גידאנקין צוא דיא קינדער אונ גיב אכטונג פון ווייטין וואס זייא טוהען . אונ וואס זאגט דער פסוק אויף דיא רבנן וואס לערנען אין בית המדרש . רבינא זאגט אויף זייא זאגט דער פסוק דיא וואס האבען ליב גאט וועלין זיין אזוי וויא דיא זוהן ווען זיא גייט ארויס מיט איר שטארקע ליכטיגקייט :

י תנו רבנן . די רבנן האבען גילערנט אז צווייא מענטשין גייען צוא זאמען נעמען צדקה . טארין זייא זיך ניט אפ שיידין איינער פון אנדערין . מען זאל ניט חושד זיין אז דער וואס איז גיוועזן אליין נעבין דעם געלט האט עפעס גיגנבית . אבער דער מעג גיין צוא דיא מענטשין וואס זיצען געבין טויער צוא נעמען פון זייא צדקה . אונ דער אנדערער גייט צוא דיא מענטשין וואס זענען אין קראם נעמען פון זייא צדקה . אויב די ערטער זענען נאנט איינער נעבין אנדערין . אז זייא זעהן איינער דעם אנדערין ; אז איינער פון דיא צווייא מענטשין האט גיפונען געלט אין גאס ווען ער איז גיגאנגען צו זאמען נעמען אויף צדקה . זאל ער ניט אריין לייגען דיא געלט אין קעשענע . ווארום מען וועט מיינען ער האט ארויס גינומען פון דיא צדקה געלט אונ לייגט צו זיך אין קעשענע . נאר ער לייגט אריין דיא גיפונענע געלט אין דיא ביטיל וואס אין איר ליגט דיא צדקה געלט . אונ אז ער וועט קומען אהיים וועט ער צוריק נעמען דיא גיפונענע געלט . נאך אזוי אז גיבליבען . איינער פון דיא צווייא מענטשין האט גימאנט ביא זיין חבר געלט . אונ ווען ער איז גיגאנגען צו זאמען נעמען דיא צדקה געלט . האט דער חבר אים גיטראפען אונ ער הט אים בצאהלט זיין געלט אין גאס . זאל ער ניט אריין לייגען דאס געלט אין קעשענע . נאר ער זאל

צדקה שאין להם עניים לחלק פורטין לאחרים ואין פורטין לעצמן גבאי תמחוי שאין להם עניים לחלק מוכרין לאחרים ואין מוכרין לעצמן מעות של צדקה אין מונין אותם שתים שתים אלא אחת אחת:

(דף ט) **יא ת"ר** אין מחשבין בצדקה עם גבאי צדקה ולא בהקדש עם הגזברין ואע"פ שאין ראיה לדבר זכר לדבר שנא' (מ"ב יב) ולא יחשבו את האנשים אשר יתנו את הכסף על ידם לתת לעושי המלאכה כי באמונה הם עושים א"ר אלעזר אע"פ שיש לו לאדם גזבר נאמן בתוך ביתו יצור וימנה שנאמר (שם) ויצורו וימנו:

יב אמר רב הונא בודקין למזונות ואין בודקין לכסות אבע"א קרא ואבע"א סברא אבע"א

פירוש.

כיסו שלא יאמרו מעות של צדקה הוא גונב: **פורטין.** פרוטות שגבו לוקחין דינרי כסף לפי שהפרוטות של נחשת מחלידות: ואין פורטין לעצמן. פן יחשדום שפורטים בזול: אין מונים אותם שתים שתים. פן יאמרו שתים הוא נוטל ואינו מונה אלא אחת:

אין מחשבין. לומר היכן נתתם מעות שגביתם: שאין ראיה לדבר. דלאו בגבאי צדקה כתיב אלא בגזברי הקדש הנותנים להם לעושי המלאכה שהפועלים מרובים למלאכות הרבה לגודרים לחוצבי האבן לחרשים ולאומני' ולקנות עצים ואבני מחצב ואי אפשר לעמוד על החשבון כדאמרינן בעלמא בעל הבית טרוד בפועליו הוא ואיכשר: יצור וימנה. הכסף שהוא מוסר בידו ואע"פ שאינו בא עמו לחשבון לאחר מכאן יצור וימנה שנא' ויצורו וימנו וגו' והדר ויתנו את הכסף המתוכן המנוי ע"י עושי המלאכה וגו':

בודקין למזונות. אם בא עני ואמר פרנסוני בודקין שלא יהיה רמאי: ואין בודק לכסות. בא

זיא אריין ליגען אין דיא בייטיל וואס אין איר ליגט דיא צדקה געלט: אונ אז ער וועט קומען וועט ער ארויס נעמען זיין געלט. דיא רבנן האבען גילערונט דיא גבאים פון צדקה אז זיי האבען ניט קיין ארעמע לייט וועמען צוא געבין דיא צדקה געלט. זאלין זייא אויס טאהשין דיא קליינע געלט אויף זילבער געלט ביא אנדערע מענטשין. נאר ניט ביא זיך אליין. דיא גבאים וואס נעמען צו זאמען עסינוואַרג ביי בעלי בתים צום צוא טיילען דיא ארעמע לייט. אז זייא האבען ניט קיין ארעמע לייט וועמען דאס עסין צוא געבין. פאר קויפען זייא דאס עסין צוא אנדערע מענטשין. אונ לאזין ליגען דאס געלט. אונ זייא פאר קויפען ניט צוא זיך. מען זאל זייא ניט חושד זיין זיי האבען גיקויפט פאר וואלוויל. געלט פון צדקה טאר מען ניט ציילען צוויי מטבעות מיט איין מאהל נאר איינציג ווייז:

יא תנו רבנן. דיא רבנן האבען גילערונט מען זאל ניט רעכענען מיט דיא גבאים פון צדקה וואו זייא האבען אויס גיגעבין דיא געלט פון צדקה. אונ מיט דיא גבאים פון הקדש זאל מען אויך ניט רעכענען וואו זייא האבען אויס גיגעבין דיא געלט פון הקדש. אפילו עס איז ניטא קיין ריכטיגע בעווייזונג צוא דער זאך אז מען דארף ניט רעכענען מיט דיא גבאים פון צדקה אונ פון הקדש. אבער אדערמאנונג צוא דער זאך איז דא. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק מען זאל ניט רעכענען מיט דיא מענטשין וואס מען וועט געבין דאס געלט זייא אין האנט זייא זאלין געבין דיא ארבעטער ווארום זייא האבען אלץ גיטאהן מיט אמת. אזוי ווי מען הט זיך ניט גירעכונט מיט דיא גבאים וואס האבען אכטונג גיגעבין אויף דיא ארבעט פון בית המקדש אונ זייא האבען איין גיקויפט אלע מאטריאלין צוא דיא ארבעט אונ אויס גיצאהלט אלע ארבעטער. אזוי רעכונט מען ניט מיט גבאים פון הקדש. אונ ניט מיט גבאים פון צדקה. רבי אלעזר זאגט אפילו אמענטש הט אפירער אין זיין גישעפט וואס ער איז אערליכער מאן. אונ ער וועט קיין מאהל מיט אים ניט רעכענען וואו ער האט דיא געלט אויס גיגעבין פון דעסטוועגין זאל ער אים צוא ציילען דם געלט וואס ער גיט אים. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק מען האט איין געבונדען דאס געלט אונ איבער גיציילט אונ גיגעבין צוא דיא גבאים. וואס מען האט געוואוסט אז מען וועט זיך מיט זייא ניט רעכענען:

יב אמר. רב הונא האט גזאגט אז איינער קומט צוא דיא גבאים פון צדקה אונ זאגט איך בין ארעם גיט מיר עסין. דארף מען נאך פרעגין אויף אים אויב עס איז אמת אז ער איז ארעם: אבער אז ער קומט צוא דיא גבאים נאקעט אונ ער בעט מען זאל אים קויפען אקלייד. זאל מען גאר ניט פרעגין אויף אים נאר מען זאל באלד קויפען. אויב דוא ווילסט וועל איך דיר ווייזין

אבע"א סברא האי קא מבזי והאי לא קא מבזי אבע"א קרא (ישעיה נח) הלוא פרוס לרעב לחמך בשי"ן כתיב פרוש והדר הב ליה והתם כתיב (שם) כי תראה ערום וכסיתו [כי תראה] לאלתר ורב יהודה אמר בודקין לכסות ואין בודקין למזונות אבע"א קרא ואבע"א סברא אבע"א סברא האי קא מצערא ליה והאי לא קא מצערא ליה אבע"א קרא הכא כתיב הלוא פרוס לרעב לחמך פרוס לאלתר וכדקרינן והתם כתיב כי תראה ערום וכסיתו כשיראה לך תניא כותיה דרב יהודה אמר ככוני בודקין אחריו פרנסוני אין בודקין:

יג תניא אם היה חוזר על הפתחים אין נזקקין לו. ההוא עניא דהוה מחזר על הפתחים דאתא לקמיה דרב פפא לא מזדקיק ליה א"ל רב סמא בריה דרב ייבא לרב פפא אי מר לא מזדקיק ליה אינש אחרינא לא מזדקיק ליה לימות ליה והא תניא אם היה

ערום ואמר כסוני לוקחים לו כסות מיד: פרוש. דרוש ותקור התלה: לכשיראה לך. שאינו רמאי: אין מקקין לו. לתת מעות מן הקופה אתי שלמד לחזר על הפתחים דיו בכך: ולא איזדקיק. ליס אפילו לפרנסה (לפרוסה רש"ל):

מיט דעם שכל. וואָרום אַז דער מענטש וואָלט האָבען קליידער, וואָלט ער זיך ניט פאַר שעמט צוא גיין נאַקעט. דריבער איז געווים אַז ער האָט ניט קיין קליידער. אונ מען דאַרף שוין גאָר ניט פרעגין. נאָר מען קויפט פאַר אים קליידער אונ מען גיט אים: אָבער אַז ער זאָגט ער האָט ניט צוא עסין: פאַר שעמט ער זיך גאָר ניט. דריבער קען זיין עס איז ליגען. דאַרף מען אויף אים נאָך פרעגין: אונ אַז דוא ווילסט וועל איך דיר ווייזין אַ פסוק ביא עסין שטייט. הלא פרוש לרעב לחמך. שטייט פרוש מיט אַשי"ן. איז דער טייטש פרוש דוא זאָלסט נאָך פאַרשטין ווער דער מענטש איז. אויב ער איז טאַקי אַ אָרעם מאַן זאָלסטו אים געבין דיין ברויט. אונ ביא קליידונג שטייט אַז דוא וועסט זעהן אַנאַקעטין זאָלסטו אים צוא דעקין. אזוי וויא דוא וועסט נאָר זעהן ער איז נאַקעט. זאָלסטו אים באַלד צוא דעקין. רב יהודה זאָגט פאַרקערט אַז איינער קומט בעטין קליידונג זאָל מען נאָך פרעגין ווער ער איז. אויב ער איז טאַקי אָרעם. אָבער אַז איינער קומט בעטין עסין. זאָל מען גאָר ניט נאָך פרעגין. נאָר מען זאָל אים באַלד געבין. אויב דוא ווילסט וועל איך דיר ווייזין אַ פסוק. אונ אויב דוא ווילסט וועל איך דיר ווייזין מיט דעם שכל. אויב דוא ווילסט וועל איך דיר ווייזין מיט דעם שכל. פון נישט עסין האָט אַ מענטש צַער. דריבער קען מען אים נישט הייסען וואַרטען ביז מען וועט אויף אים נאָך פרעגין. נאָר מען מוז אים שוין געבין עסין. אָבער אַז ער גייט נאַקעט איז דאָך דער צַער ניט אַזוי גרויס אונ ער קען וואַרטען ביז מען וועט אויף אים נאָך פרעגין. אונ אויב דוא ווילסט וועל איך דיר ווייזין אַ פסוק. ביא עסין שטייט הלא פרוש לרעב לחמך. אונ מיר לייענען פרוש מיט אַשי"ן. איז דער טייטש פרוס אָפ ברעכין. אַז אַ אָרעם מאַן קומט צוא דיר בעטין ברויט. זאָלסטו באַלד אָפ ברעכין פון דיין ברויט אונ אים געבין. אָבער דאָרט ביי קליידונג שטייט אַז דוא וועסט זעהן אַנאַקעטין זאָלסטו אים צוא דעקין. אַז דוא וועסט זעהן געווים אַז ער איז אַ אָרעם מאַן זאָלסטו אים צוא דעקין. זאָגט די גמ"א מיר האָבען גילערונט אַזוי וויא רב יהודה. אַז איינער זאָגט מען זאָל אים צוא דעקין ער איז אַ אָרעם מאַן אונ מען זאָל אים געבין אַקליד. דאַרף מען פריער זעהן אויב ער איז אַ אָרעם מאַן. אָבער אַז ער בעט מען זאָל אים געבין עסין. זוכט מען גאָר נישט. נאָר מען גיט אים באַלד:

יג תניא. מיר האָבין גילערונט דער אָרעם מאַן וואס גייט אין די הייזער בעטין. גיט מען אים ניט פון צדקה. אַמאָהל איז גיוועזן אַ אָרעם מאַן וואס ער איז גיגאַנגען אין די הייזער. איז גיקומען פאַר רב פפא ער זאָל אים געבין פון צדקה. ורב פפא איז גיוועזן אַגבאי פון צדקה האָט רב פפא אים ניט גיוואָלט געבין. האָט רב סמא בריה דרב ייבא גיזאָגט צו רב פפא אויב דוא וועסט דעם אָרעם מאַן גאָר ניט געבין. וועט אים אַיין אַנדער מענטש אויך ניט געבין. זאָל ער שטאַרבין פון הונגער. האָט רב פפא גיזאָגט צוא רב סמא מיר האָבין דאָך

היה עני המחזיר על הפתחים אין נזקקין לו אמר ליה אין נזקקין לו למתנה מרובה אבל נזקקין לו למתנה מועטת:

יד **אמר** רב אסי לעולם אל ימנע אדם את עצמו מלתת שלישית השקל בשנה שנאמר (נחמיה י) והעמדנו עלינו מצות לתת שלישית השקל בשנה לעבודת בית אלהינו ואמר רב אסי שקולה צדקה כנגד כל המצות שנאמר והעמדנו עלינו מצות מצוה אין כתיב כאן אלא מצות. א"ר אלעזר גדול המעשה יותר מן העושה שנאמר (ישעי' לג) והיה מעשה הצדקה שלום ועבודת הצדקה השקט ובטח עד עולם אמר להו רבא לבני מחוזא [במטותא מינייכו] עושו אהדדי כי היכי דתיהוי [לכו] שלמא במלכותא וא"ר אלעזר בזמן שבהמ"ק קיים אדם נותן שקלו ומתכפר לו ועכשיו שאין בהמ"ק קיים (זכה (ישעיה נ הלוא פרוס לרעב לחמך לא זכה) [אם עושין צדקה מוטב ואם לאו] באין (נוגשים) [עכו"ם] ונוטלין אותה בזרוע (שנאמר ועניים מרודים תביא בית) אמר מר עוקבא אע"פ כן נחשב לנו כצדקה שנא' (ישעיה ס) ונוגשיך צדקה, אמר רבא האי מילתא אישתעיא לי עולא

ג עשה הלדקה. טובה המעשים את הכריחים מדלה כתיב ועיטה הלדקה שלום: זכה. למזל טוב: עניים מרודים. זו הנוגשים שלוקחים המיד הכו סבו שאנו לריכים: מרודים. קונפליי"ט כמו

גילערנט אויב ער איז געוועזן אַארעם מאן וואס גייט אין די הייזער זאל מען אים ניט געבין פון צדקה. האט רב ספא געזאגט מען דארף אים ניט געבין אגרויסע מתנה פון צדקה. אבער אקליינע מתנה פון צדקה דארף מען אים יא געבין.

יד אמר: רב אסי האט געזאגט אַמענטש זאל זיך קיין מאהל ניט פאר מיידין פון צוא געבין אדריטול טאלער אַיאהר אויף צדקה. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק מיר האבין אויף געשטעלט אויף זיך מצות צוא געבין פון אונזערט וועגין אַדריטול טאלער אַיאהר צוא דיא ארבעט פון בית המקדש: נאך האט רב אסי געזאגט צדקה איז גלייך געגין אלע מצות ווארום עס שטייט אין פסוק מיר האבין אויף געשטעלט אויף זיך מצות. עס שטייט ניט מיר האבין אויף אונז געשטעלט אמצוה. נאר מיר האבין אויף אונז געשטעלט מצות. מיינט מען פיל מצות. ווארום דיא איין מצוה פון צדקה איז געוואוגין געגין פיל מצות. רבי אלעזר האט געזאגט דער מענטש וואס גייט צוא זאמען געמען דיא געלט אויף צדקה. איז זיין מצוה גרעסער וויא דיא מצוה פון דעם מענטש וואס גיט דיא צדקה. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק והיה מעשה הצדקה שלום. דער וואס איז זיך מטריח צוא גיין בעטין מענטשין זייא זאלין געבין צדקה וועט ער האבין שלום. ועבודת הצדקה השקט ובטח עד עולם. אונ דער וואס ארבעט מענטשין זאלין געבין צדקה וועט ער האבין שטילקייט אונ וועט לעבין זיכער ביז אייביג. רבא האט געזאגט צו דיא מענטשין פון דיא שטאט מחוזא איך בעט פון אייך איינער זאל נייטין דעם אנדערין ער זאל געבין צדקה. וועט איהר האבין שלום פון מלך. נאך האט רבי אלעזר געזאגט ווען דער בית המקדש איז געשטאנען האט אמענטש געגעבין זיין האלבין טאלער אלע יאהר אויף קרבנות. אונ דיא קרבנות האבין אויף אים מכפר געוועזן. היינט אז דער בית המקדש איז ניטא. אויב מען טוהט צדקה איז גוט. אונ אויב ניט קומען דיא גוים אונ נעמען אוועק ביא דעם יודין זיין פאר מעגין. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ועניים מרודים תביא בית. דיא גוים וואס זענען ארעם אונ גיוועלטיגין אויף דיר זייא וועסטו אריין ברייגגען צוא דיר אין שטוב: אונ וואס זייא וועלין נעפינען וועלין זייא צוא נעמען. מר עוקבא זאגט פון דעסטוועגין וועט דאס גאט אונז רעכענען גלייך וויא מען וואלט בייא אונז גינומען אויף צדקה. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ונוגשיך צדקה. וואס מען וועט בייא דיר אוועק נעמען. וועט דאס זיין גירעכנט גלייך וויא מען וואלט ביי אונז גינומען אויף צדקה. רבא זאגט זיא זאך האט מיר דער צייט עולא ודאס קינד. רב ששת וואס ער האט פאר דריכט דיא וועגין פון זיין מוטער (דאס מיינט מען דורך איהם האט

עולא (ע"ב) משגש ארחתיה דאימיה משמיה דרבי אלעזר מ"ד (שם נט) וילבש צדקה כשריון לומר לך מה שריון זה כל קליפה וקליפה מצטרפת לשריון גדול אף צדקה כל פרוטה ופרוטה מצטרפת לחשבון גדול רבי חנינא אמר מהכא (שם סד) וכבגד עדים כל צדקותינו מה בגד זה כל נימא ונימא מצטרפת לבגד גדול אף צדקה כל פרוטה ופרוטה מצטרפת לחשבון גדול:

טו (אמר רבא האי מלתא אישתעיא לי עולא משגש ארחתיה דאימיה) אמאי קרו ליה עולא משגש ארחתיה דאימיה דבעא מיניה רב אחדבוי בר אמי מרב ששת מנין למצורע בימי ספורו שמטמא אדם א"ל וכו' אהדר ליה בבדיהותא חלש דעתיה דרב ששת אשתתיק רב אחדבוי בר אמי ואית קר תלמודיה אתיא אימיה וקא בכיא קמיה צווחה ולא אשגח בה אמרה ליה חזי להני חדי דמצית מיניהו בעא רחמי עליה ואתסי:

טז א"ר אלעזר גדול העושה צדקה בסתר יותר ממשה רבינו דאילו במשה רבינו כתיב כי

אליה בשתי: משגש ארחתיה דאימיה. לרב ששת קרי ליה הכי ע"ל המשגש דרכי אמו בגרם לנטופה מדרך בלא נקיה (כמאמר שלאחר זה). משגש לשון מסימה ושגעון: קליפה. מאלייא"א בלע"ז: וכבגד עדים כל צדקותינו. כלומר כל צדקותינו נמאסו מאמת רשענו כבגד מאוס שאדם מסירו מעליו: עדים. כדמתרגמינן ויסר ואעדי וכן מעדה בגד ביום קרה מ"מ מקום צדק: לבגד וצדקת לדיקים לבגד הגון:

כוה קא מסדר ליה רב אחדבוי לרב ששת בבדיותא. לפי שהיה רב ששת נכשל בתשובותיו: איסתתק רב אחדבוי. נעשה אלם: אתיא אמיה. דרב ששת: צווחה קמיה. שיתפלל עליו: להני חדי. הדדים הללו: חדייס. תרגום של חזה: דמצית מינייהו. שינקת מהן:

אף ותמה. ב' לגיונות קשים הם ליפרע מן החוטאים:

זיין מוטער גימוזט טאהן ניט וויא אאשה דארף טאהן) פון רבי אלעזרס וועגין. עס שטייט אין פסוק ער האט אן גיקליידט צדקה אזוי וויא אפאנציר. דאס מיינט מען אזוי וויא אפאנציר וואס ער ווערט גימאכט פון קליינע שטיקלאך האט מען בהעפט פון אלע שטיקלאך אונ מען האט גימאכט אגרויסין פאנציר. אזוי צדקה יעדער פרוטה רעכונט מען צו זאמען ביז עס ווערט אגרויסער חשבון. רבי חנינא האט גיזאגט פון דעם פסוק. וכבגד עדים כל צדקותינו. אונזערע אלע צדקות זענען אזוי וויא אפאר מיאוסת קלייד. זענען דיא צדקות געגליכען צו אקלייד ודיא צדקות פון דיא רשעים זענען גלייך צו אפאר מיאוסת קלייד. אונ דיא צדקות פון דיא צדיקים זענען גלייך צו אשיינע קליידן. אזוי וויא אקלייד בהעפט מען צו זאמען אפאדים צוא אפאדים ביז עס ווערט אגרויסע קלייד. אזוי צדקה בהעפט מען אפרוטה צוא אפרוטה ביז עס ווערט אגרויסער רעכענונג:

טו אמר. רבא האט גיזאגט דיא זאך האט מיר דער ציילט עולא ודאס קינד. רב ששתו וואס ער האט פאר קרימט דיא וועגין פון זיין מוטער. מיט וואס האט רב ששת פאר קרימט דיא וועגין פון זיין מוטער. וואו־ום רב אחדבוי בר אמי האט גיפרעגט פון רב ששת פון וואנען ווייסין מיר אז אמצורע אין דיא זיבען ריינע טעג וואס ער ציילט איז ער נאך טמא אז ער קען מטמא זיין אמענטשין. האט רב ששת איהם גיענפערט. רב אחדבוי איז ניט גיפעלין וואס רב ששת האט גיזאגט. האט רב אהדבוי גיענפערט צוא רב ששת מיט אגירעכטער. איז רב ששת בייא זיך אראפ גיפאלין אונ פארשעמט גיוואוין. איז רב אחדבוי בר אמי שטום גיווארין אונ האט פאר געסין זיין לערנען. איז גיקומען דיא מוטער פון רב ששת אונ האט גיוויינט פאר איהם. ער זאל מתפלל זיין צו גאט רב אחרבוי זאל גיזונד ווערין. דיא מוטער האט געשריגען. אונ רב ששת האט ניט גיקוקט אויף איהר שרייען. האט דיא מוטער ארויס גינומען איהרע בריסט אין בית המדרש אונ האט גיזאגט צוא רב ששת זעה דיא בריסט וואס דוא האסט גיזויגין פון זייא. האט רב ששת מתפלל גיוועזן אונ רב אחדבוי איז גיזונד גיווארין:

טז אמר. רבי אלעזר האט גיזאגט דער וואס גיט צדקה אין דער שטיהל קיינער זאל ניט וויסען. איז ער גרעסער וויא משה רבינו. ווארום בייא משה רבינו שטייט אז ער האט גיזאגט איך האב מורא פאר דעם אף אונ פאר דעם חמה. אונ דער וואס גיט צדקה אין דער שטיהל. שטייט

(דברים ט) כי יגרתי מפני האף והחמה ואילו בעישה צדקה כתיב (משלי כא) מתן דסתר יכפה אף [ושוחד בחיק חמה עזה] ופליגא דרבי יצחק דאמר רבי יצחק אף כיפה חמה אינו כיפה שנא' (שם) ושחד בחיק חמה עזה אע"פ ששחד בחיק חמה עזה וא"ד א"ר יצחק כל דיין הנוטל ש־ד מביא חמה עזה לעולם שנאמר ושחד בחיק חמה עזה ואמר ר' יצחק כל הנותן פרוטה לעני מתברך בו' ברכות והמפייסו בדברים מת רך בי"א ברכות הנותן פרוטה לעני מתברך בו' ברכות דכתיב (ישעיה נח) הלוא פרוס לרעב לחמך וגו' (שם) (אז יבקע כשחר אורך וארוכתך מהרה תצמח והלך לפניך צדקך כבוד ה' יאספך אז תקרא וה' יענה תשוע ויאמר וגו') והמפייסו בדברים מתברך בי"א ברכות דכתיב (שם) ותפק לרעב נפשך ונפש נענה תשביע וזרח בחשך אורך ואפלתך כצהרים ונחך ה' תמיד והשביע בצחצחות נפשך וגו' ובנו ממך חרבות עולם מוסרי דור ודור תקומם וקורא לך גודר

אע"פ ששחד בחיק. שהוא עושה צדקה בסתר: חמה עזה. עדיין היא בתוקפה ורבי אלעזר סבר דהאי ושחד בחיק ארישא קאי [ושחד בחיק] יכפה חמה עזה: ותפק לרעב נפשך. הוא פיוס דברי

ביא אים מתן בסתר יכפה אף. דער וואס גיט אמתנה צום ארעם מאן אין דער שטיהל. וועט ער איינבייגן דעם אף. ושוחד בחיק חמה עזה. דער וואס גיט צדקה אין שוים. אין דער שטיל. וועט ער איינבייגן דעם שטארקן חמה. ואף אונ חמה זענען צוויא שלוחים צוא שטראפין די זינדיגער. אונ רבי אלעזר קריגט אויף רבי יצחק. ווארום רבי יצחק האט גיזאגט דער וואס גיט צדקה אין דער שטיל קען ער נאר איינבייגן דעם אף. אבער ניט דעם חמה. ווארום עס שטייט אין פסוק ושוחד בחיק חמה עזה: אפילו ער גיט צדקה אין שוים. אין דער שטיהל. פון דעסטוועגן איז דער חמה שטארק: אנדערע זאגין אזוי האט רבי יצחק גיזאגט דער דיין וואס נעמט שוחד. ברייגנט ער איין שטארקן כעס אויף דער וועלט. ווארום עס שטייט אין פסוק ושוחד בחיק חמה עזה. דער דיין וואס בעהאלט דעם שוחד אין שוים ברייגנט ער א שטארקן כעס אויף דער וועלט. נאך האט רבי יצחק גזאגט דער וואס גיט א פרוטה צוא אארעם מאן. וועט ער גיבענשט מיט זעקס ברכות. אונ דער וואס טרייסט דעם ארעם מאן מיט גוטע רייד. וועט ער גיבענשט מיט עלף ברכות. דער וואס גיט א פרוטה צום ארעם מאן וועט ער גיבענשט מיט זעקס ברכות. ווארום עס שטייט אין פסוק אז דוא וועסט אפ ברעכין פון דיין ברויט אונ וועסט געבין צום הונגעריגען. וועט אויף גישפאלטען ווערין דיין ליכטיגקייט אזוי וויא דער מארגנשטערין. דיין היילונג וועט עשווינד שפראצין. דיין צדקה וועט גיין פאר דיר. דער כבוד פון גאט וועט דיך פר זאמלען. אז דוא וועסט רופען צוא גאט וועט ער דיר ענטפערין. אז דוא וועסט שרייען צוא גאט. וועט ער זאגין איך בין אן גיברייט דיר צוא העלפין. אונ דער וואס טרייסט דעם ארעם מאן מיט גוטע רייד וועט ער גיבענשט מיט עלף ברכות; ווארום עס שטייט אין פסוק אז דוא וועסט אויס ציהען צום הונגעריגען דיין נפש ועכ שטייט ניט דיין ברויט וועסטו אים געבין. נאר דיין נפש וועסטו אים געבין. דאס מיינט מען דוא וועסט אים געבין גוטע ריידן. אונ דעם נפש וואס איז אונטער טעניג וועסטו זאט מאכען מיט גוטע רייד. וועסטו גיבענשט ווערין פון גאט מיט דיא ברכות. עס וועט שיינען אין דער פינסטער דיין ליכטיגקייט ווען עס וועט חס ושלום זיין אפינסטערניש אויף דער וועלט. וועט דיר ליכטיג זיין. אונ ווען דו וועסט זיין אין אפינסטרניש. וועט דיר ליכטיג ווערין אזוי וויא האלבין טאג. גאט וועט דיך אייביג פירען. אונ ער וועט זאט מאכען דיין נפש אפילו אין אדארשטיגע צייט. אונ דיינע ביינער וועט ער שטארקן; אונ דוא וועסט זיין אזוי וויא אגארטין וואס ער איז זאט מיט וואסער. וואס זיינע פרוכטין וואקסען זייער שיין. אונ דוא וועסט זיין אזוי וויא אקוואל וואסער וואס דיא וואסער פעלט ניט קיין מאהל. אונ פון דיר וועט אויף גיבאהט ווערין דיא אייביגע וויסטקייט ובפרט איצט איז גיוועז דיא וועלט פאר וויסט מיט שלעכטע עבירות. אונ מיט דיינע גוטע מעשים וועסטו דיא וועלט פר בעסערין.

גודר פרץ משובב נתיבות לשבת. וא"ר יצחק מ"ד (משלי כא) רודף צדקה וחסד ימצא חיים צדקה וכבוד משום דרודף צדקה ימצא צדקה אלא לומר לך כל הרודף צדקה הקב"ה ממציא לו מעות לעשות מהם צדקה רב נחמן בר יצחק אמר הקב"ה ממציא לו בני אדם המהוגנים לעשות להן צדקה כדי לקבל עליהם שכר לאפוקי מדדרש רבה דדרש רבה מ"ד (ירמיה יח) יהיו מוכשלים לפניך בעת אפך עשה בהם אמר ירמיה לפני הקב"ה רבש"ע אפילו בשעה שכובשים את יצרם ומבקשים לעשות צדקה [לפניך] הכשילם בבני אדם שאינם מהוגנים כדי שלא יקבלו שכר עליהם רבי יהושע [בן לוי] אומר [כל הרגיל לעשות צדקה] זוכה לבנים בעלי חכמה בעלי עושר בעלי אגדה בעלי חכמה דכתיב (דף י) ימצא חיים. בעלי עושר דכתיב צדקה. בעלי אגדה דכתיב וכבוד כתיב הכא וכבוד וכתיב התם (משלי ג) כבוד חכמים ינחלו:

נמוקין: ימלא לדקה. משמע יבא לידי עניות וימלא בני אדם שיעשו לו לדקה: יהיו מוכשלים לפניך. את אנשי ענתות היה מקלל שהיו מבקשים את נפשו: ימלא חיים. וכתיב גבי חכמה כי מולא מלא חיים: בעלי אגדה. מתוך שהם דרשנים ומושכין לבו של אדם הכל ימכבדים אותם:

לבעל הדין. רשע או עכו"ם: להנצל אנו כשם. שהצדקה מצלת מגיהנם כדאמרינן לקמן בשמעתין:

יז תניא היה ר' מאיר אומר יש פתחון פה לבעל הדין להשיבך ולומר לך אם אלהיכם אוהב עניים מפני מה אינו מפרנסן אמר לו כדי להנצל אנו בהם

וועט דאס זיין גלייך ווי דו וואלסט די וועלט אויף געבאהט. דו וועסט אויף שטעלין פונדאמענטין אויף גוטע מעשים אויף פיל דורות לאנג. מען וועט דיך רופען דו האסט פאר צאמט אלע אויס ברעכונג. דו האסט צוריק געקערט די וועגין צו זיצען אויף זייא. נאך האט רבי יצחק געזאגט עס שטייט אין פסוק דער וואס יאגט נאך צו טאהן צדקה אונ חסד. וועט ער געפינען לעבין אונ צדקה אונ כבוד. פרעגט די גמרא ווייל ער יאגט נאך צו טאהן צדקה דריבער פלוכט מען אים אז ער וועט זיין אַארעם מאן אונ ער וועט געפינען מענטשין וואס וועלין אים געבין צדקה. נאר אזוי מיינט מען דער וואס יאגט נאך צו טאהן צדקה. גיט אים גאט גוטע געשעפטין ער זאל פאר דינען אונ זאל האבען געלט צו טאהן מיט זייא צדקה. רב נחמן בר יצחק זאגט אזוי מיינט דער פסוק גאט וועט אים צו ברייננגען אזעלכע מענטשין וואס זענען ווערט מען זאל מיט זייא טאהן צדקה. ער זאל נעמען שכר פאר דער צדקה. ניט אזעלכע מענטשין וואס רבה האט אויף זייא גידרשת. ווארום רבה האט גידרשת עס שטייט אין פסוק זייא זאלין זיין געשטרויכעלט פאר דיר אין די צייט פון דיין כעס טוה מיט זייא: אזוי האט ירמיה גזאגט פאר גאט רבונו של עולם אפילו ווען זייא נעמען איין זייער יצר הרע אונ זייא ווילען טאהן צדקה פאר דיר. זאלסטו זייא צו ברייננגען אזעלכע מענטשין וואס זענען ניט ווערט מען זאל זייא געבין צדקה. זייא זאלין ניט נעמען קיין שכר אויף די צדקה. רבי יהושע בן לוי זאגט דער וואס איז געוואוהנט צו טאהן צדקה איז ער זוכה צו האבען קינדער חכמים. אונ רייכע. אונ זאלין קענען דרשנן. אויף חכמים ווייסען מיר ווייל עס שטייט אין פסוק דער וואס יאגט נאך צו טאהן צדקה וועט ער געפינען לעבין. אונ דער וואס געפינט חכמה געפינט ער לעבין. אויף עשירים ווייסען מיר ווייל עס שטייט אין פסוק ער וועט טאהן צדקה. אַרייכער קען טאהן צדקה אבער ניט אַארעם מאן. אויף דרשנים ווייסען מיר ווייל עס שטייט אין פסוק וכבוד [ער וועט האבען כבוד]. אונ עס שטייט כבוד חכמים ינחלו. די חכמים וועלין האבען כבוד. ווייסען מיר אז דער וואס יאגט נאך צו טאהן צדקה וועט ער האבען כבוד פון חכמה. אונ וועלכע חכמים האבען כבוד. דאס זענען די דרשנים:

יז תניא. מיר האבען געלערנט רבי מאיר האט גזאגט דער וואס וויל קריגען קען עפענען די מויל זיינע אונ דיר ענטפערין. אויב גאט האט ליב ארעמע לייט פאר וואס שפייזט ער זייא אליין ניט. זאלסטו אים זאגין ווייל גאט וויל אז די רייכע זאלין ניט געמשפט ווערין אין גיהנם.

בהם מדינה של גיהנם וזו שאלה שאל טורנסרופוס הרשע את ר' עקיבא אם אלהיכם אוהב עניים מפני מה אינו מפרנסן א"ל כדי להנצל אנו בהם מדינה של גיהנם א"ל אדרבה זו מחייבתן לגיהנם אמשול לך משל למה"ד למלך ב"ו שכעס על עבדו וחבשו בבית האסורים וגזר עליו שלא להאכילהו ולא להשקותו והלך אדם אחד והאכילהו והשקהו לכששמע המלך הלא כועס עליו ואתם קרויים עבדים דכתיב (ויקרא כה) כי לי בני ישראל עבדים א"ר"ע אמשול לך משל למה"ד למלך שכעס על בנו וחבשו בבית האסורים וצוה עליו שלא להאכילו ושלא להשקותו והלך אדם אחד והאכי הו והשקהו לכששמע המלך משגר לו דורון ואנו קרויים בנים שנאמר (דברים יד) בנים אתם לה' אלהיכם א"ל אתם קרוים בנים ואתם קרוים עבדים בזמן שאתם עושים רצונו של מקום קרוים בנים ובזמן שאין אתם עושים רצונו של מקום קרוים עבדים ועכשיו אין אתם עושין רצונו של מקום א"ל הרי הוא אומר (ישעיה נח) הלוא פרוס לרעב להמך ועניים מרודים תביא בית אימתי ועניים מרודים תביא בית בזמן הזה וקאמר הלוא פרוס לרעב לחמך:

דרש

דורך דָעם וָואס זייא גיבּען צְדָקָה וָועלין זייא נִיט זיין אין גֵיהִנָּם: דיא שַׁאֲלָה הָאט גיפְרֶעגְט דֶער רָשָׁע טוּרְנוּסְרוּפוּס צוּא רַבִּי עֲקִיבָא. אוֹיבּ גָאט הָאט לִיבּ אָרֶעמֶע לֵייט פַר וָואס שְׁפַּייזְט עֶר זייא אַלֵיין נִיט. הָאט רַבִּי עֲקִיבָא צוּא אִים גִזָאגְט וַוייל גָאט וִויל דִיא רַייכֶע זָאלִין נִיט גֶעמִשְׁפַּט וֶוערִין גֵיהִנָּם: אוּנ דוּרְךְ דֶעם וָואס זייא גִיבֶּען צְדָקָה וֶועלִין זייא נִיט זַיין אין גֵיהִנָּם. הָט טוּרְנוּסְרוּפוּס גִזָאגְט צוּא רַבִּי עֲקִיבָא פַארְקֶערְט דִי צְדָקָה וֶועט אַייךְ נָאךְ פַאר שׁוּלְדִיגֶען אִיר זָאלְט קוּמֶען אִין גֵיהִנָּם. אִיךְ וֶועל דִיר זָאגִין אַמָשָׁל. אַמֶלֶךְ אִיז אַמָאהל אִין כַּעַס גִיוֶוען אוֹיף זַיין קְנֶעכְט. אוּנ עֶר הָאט אִים אַרַיין גִיזֶעצְט אִין תְּפִיסָה. אוּנ עֶר הָאט פַאר זָאגְט מֶען זָאל אִים נִיט גֶעבִּין עֶסִין אוּנ נִיט טְרִינְקֶען. אִיז גִיקוּמֶען אַמֶענְטְשׁ אוּנ הָאט אִים גִיגֶעבִּין עֶסִין אוּנ טְרִינְקֶען. אַז דֶער מֶלֶךְ הָאט דָאס גִיהֶערְט אִיז עֶר אִין כַּעַס גִיוָוארִין אוֹיף דֶעם מֶענְטְשִׁין. אוּנ אִיר וֶוערְט גִירוּפֶען קְנֶעכְט צוּא גָאט. אַזוֹי וִויא עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק גָאט זָאגְט צוּא מִיר זֶענֶען דִיא יוּדִין קְנֶעכְט. אוּנ גָאט מאַכְט זַיינֶע קְנֶעכְט אָרֶעם עֶר וִויל זייא נִיט גֶעבִּין עֶסִין. דְרִיבֶּער וֶוער עֶס הָאט אוֹיף זייא רַחֲמָנוּת אוּנ גִיט זייא עֶסִין וֶועט גָאט אוֹיף אִים זַיין אִין כַּעַס. הָאט רַבִּי עֲקִיבָא גִזָאגְט צוּא טוּרְנוּסְרוּפוּס אִיךְ וֶועל דִיר זָאגִין אַמָשָׁל. אַמֶלֶךְ אִיז אַמָאהל אִין כַּעַס גִיוֶוען אוֹיף זַיין זוּהְן. אוּנ עֶר הָאט אִים אַרַיין גִיזֶעצְט אִין תְּפִיסָה אוּנ עֶר הָאט פַאר זָאגְט מֶען זָאל אִים נִיט גֶעבִּין עֶסִין אוּנ נִיט טְרִינְקֶען. אִיז גִיקוּמֶען אַמֶענְטְשׁ אוּנ הָאט אִים גִיגֶעבִּין עֶסִין אוּנ טְרִינְקֶען. אַז דֶער מֶלֶךְ הָאט דָאס גִיהֶערְט הָאט עֶר גֶעשִׁיקְט אַמַתָּנָה צוּא דֶעם מֶענְטְשׁ: אוּנ מִיר וֶוערִין גִירוּפֶען קִינְדֶער צוּא גָאט. אַזוֹי וִויא עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק אִיר זֶענְט קִינְדֶער צוּא אַייעֶר גָאט. הָט טוּרְנוּסְרוּפוּס גִזָאגְט צוּא רַבִּי עֲקִיבָא אִיר וֶוערְט גִירוּפֶען קִינְדֶער צוּא גָאט אוּנ אִיר וֶוערְט גִירוּפֶען קְנֶעכְט צוּא גָאט. וֶוען אִיר טוּהְט דֶעם וִוילֶען פוּן גָאט. וֶוערְט אִיר גִירוּפֶען קִינְדֶער: אוּנ וֶוען עֶר טוּהְט נִיט דֶעם וִוילֶען פוּן גָאט. וֶוערְט אִיר גִירוּפֶען קְנֶעכְט צוּא גָאט. אוּנ אִיצְט טוּהְט אִיר דָאךְ נִיט דֶעם וִוילֶען פוּן גָאט: וֶוערְט אִיר דָאךְ גִירוּפֶען קְנֶעכְט. טָארְט אִיר דָאךְ נִיט שְׁפַּייזִין דִיא אָרֶעמֶע לֵייט. הָט רַבִּי עֲקִיבָא גִזָאגְט צוּ טוּרְנוּסְרוּפוּס עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק הֲלֹא פָרוֹס לָרָעֵב לַחְמֶךָ. דוּ זָאלְסְט אָפּ בְּרֶעכִין דַיין בְּרוֹיט אוּנ גֶעבִּין צוּם הוּנְגֶערִיגֶען. אוּנ אוֹיבּ נִיט. וַעֲנִיִּים מְרוּדִים תָּבִיא בָיִת. וֶועסְטוּ בְּרֵיינְגֶען צוּא דִיר אִין שְׁטוּבּ דִיא פֶעלְקֶער וָואס גִיוֶועלְטִיגֶען אוֹיף דִיר אוּנ זייא וֶועלִין צוּ נֶעמֶען דַיין פַאר מֶעגִין: אוּנ זייא שְׁרַייֶען נָאר מִיר בַּאדַארְפִין אַזוֹי וִוי זייא וָואלְטִין גִיוֶוען אָרֶעמֶע לֵייט. וֶוען גִיוֶועלְטִיגֶען פֶעלְקֶער אוֹיף אוּנְז. דִיא צַייטֶען. אוּנ דֶער נָבִיא זָאגְט דוּא זָאלְסְט אָפּ בְּרֶעכִין פוּן דַיין בְּרוֹיט אוּנ גֶעבִּין דֶעם הוּנְגֶערִיגֶען. זֶעהְן מִיר דָאךְ אַז אַייבִּיג דַארְף מֶען גֶעבִּין עֶסִין דֶעם אָרֶעם מַאן. אֲפִילוּ וֶוען מִיר טוּעֶן נִיט דֶעם וִוילֶען פוּן גָאט:

יח דרש רבי יהודה בר שלום כשם שמזונותיו של אדם קצובים לו מראש השנה כך חסרונותיו של אדם קצובים לו מראש השנה זכה הלוא פרוס לרעב להמך לא זכה ועניים מרודים תביא בית. כי הא דבני אחתיה דריב"ז חזא להו בחלמא דבעו מיחסר שבע מאה דינרין עשינהו ושקל מינייהו לצדקה פש גבייהו שיבסר דינרי כי מטא מעלי יומא דכפורי שדרו דבי קיסר שקלינהו אמר להו רבן יוחנן בן זכאי לא תדחלו שיבסר דינרי גבייכו שקלינהו מינייכו אמרו ליה מנא ידעת אמר להו חלמא חזאי לכו בה. מא אמרו ליה אמאי לא אמרת לן דניתבינהו אמר להו אמינא כי היכי דתעבדו מצוה לשמה. רב פפא הוה קא סליק בדרגא אישתמיט כרעיה בעי למיפל חלש דעתיה אמר השתא כן איחייב מאן דסני לן כמחללי שבתות וכעובדי ע"ז א"ל חייא בר רב מדפתי לרב פפא שמא עני בא לידך ולא פרנסתו דתניא רבי יהושע בן קרחה אומר כל המעלים עיניו מן הצדקה כאילו עובד ע"ז כתיב הכא (דברים טו) השמר

שמזונותיו של אדם. שכר שיתפרנס ממנו: חסרונותיו. הפסד שעתיד להפסיד: זכה. למזל טוב. יתן הוא: הבירון לעניים: חזא להו בחלמא. במוצאי יוה"כ: דבעי מיהסר ז' מאה דינרי. באותה שנה: שקל מינייהו לצדקה. כל השנה היה כופן בדברים וגבה מהם לצדקה. פש גבייהו. ערב ר"ה שיבסר דינרי שלא נתנו לצדקה משבעה מאה דינרים: לא קדהגו. למפסד יותר: אמאי לא אמרת לן. מתחלה שכך חלמת והיינו נותנין הכל: השתא כן. אם נפלתי: אחייב מאן דסני לן. כאדם שהוגה קללתו בחברו: מחלל שבתות ועובדי ע"ז. בסקילה ואמר מר מי שנתחייב סקילה או נופל מן הגג או חיה דורסתו דדמי לסקילה דתקן בית הסקילה היה גבוה ב' קומות:

יח דרש. רבי יהודה בר שלום האט גידרשת אזוי וויא אום ראש השנה ווערט אויס גיזעצט אמענטשין וויא פיל ער זאל דעם יאהר פארדינען אויף זיין פרנסה. אזוי ווערט אויס גיזעצט אום ראש השנה וויא פיל ער זאל דעם יאהר שאדין האבין. אויב דער מענטש איז זוכה גיט ער אוועק דעם שאדין צו ארעמע לייט. האט ער שכר; אונ אויב ער איז ניט זוכה קומען צו איהם אין שטוב דיא פיינד וואס גיוועלטיגען אויף איהם. אונ נעמען בייא איהם וויא פיל ער דארף שאדין האבען. אזוי וויא עס האט אמאהל גיטראפין רבי יוחנן בן זכאי האט גיזעהן אין חלום אז זיין שוועסטערס קינדער דארפין שאדין האבין דעם יאהר זיבען הונדערט גילדין. אגאנץ יאהר האט רבי יוחנן זייא גענייט אונ האט פון זייא גינומען געלט אויף צדקה. וויא עס איז גיקומען ערב יום כפור איז נאך געבליבען בייא זייא זיבעצין גילדין פון דיא זיבען הונדערט גילדין. אום ערב יום כפור זענען גיקומען די פאליציי פון קיסר אונ מען האט בייא זייא גינומען פאר אבלבול דיא זיבעצין גילדין. האט רבי יוחנן בן זכאי צוא זייא גיזאגט איהר זאלט ניט מורא האבין מען וועט מער ניט נעמען בייא אייך. זיבעצין גילדין איז ביי אייך געבליבען. האט מען זייא בייא אייך צו גינומען. האבין זייא גיזאגט צו רבי יוחנן פון וואנען ווייסטו דאס. האט רבי יוחנן צוא זייא גיזאגט אזוי האב איך אויף אייך גיזעהן אין חלום. האבין זייא גיזאגט צוא רבי יוחנן פאר וואס האסטו אונז אגאנץ יאהר גאר ניט גיזאגט וואלטין מיר דיר אוועק גיגעבין דיא גאנצע זיבען הונדערט גילדין מיט איין מאהל האט רבי יוחנן צוא זייא גיזאגט אז איהר וואלט וויסען אז איהר דארפט דיא זיבען הונדערט גילדין שאדין האבין וואלט איהר ניט גיגעבין דיא געלט אויף צדקה פון מצוה וועגין. נאר איהר וואלט זאגין איידער שאדין האבין איז בעסער צוא געבין אויף צדקה. אבער אז איהר האט ניט גיוואוסט. האט איר יעדער מאהל גיגעבין אויף צדקה פון מצוה וועגין. רב פפא איז ארויף גיגאנגען אויף אלייטער האט זיך ארוק גיטאהן דיא פוס זיינע אונ ער האט גיקענט אראפ פאלין. האט ער צער גיהאט. אונ האט גיזאגט ווען איך וואלט אראפ גיפאלין. וואלט איך גיווען פאר שולדיגט וואלט איך דאך גישטראפט גיווארין אזוי וויא איינער וואס איז מחלל שבת אדער ער דינט עבודה זרה. האב איך דען אזוי אעבירה. האט רבי חייא בר רב פון דפתי גיזאגט צו רב פפא טאמער איז גיקומען צו דיר אארעם מאן אונ דוא האסט איהם גאר ניט גיגעבין. ווארום מיר האבין גילערנט רבי יהושע בן קרחה זאגט דער וואס טוהט אפ זיינע אויגין פון ארעם מאן ער גיט ניט צדקה. איז

השמר לך פן יהיה דבר עם לבבך בליעל וכתיב התם (שם יג) יצאו אנשים בני בליעל מה להלן ע"ז אף כאן ע"ז :

יט תניא א"ר (אליעזר) [אלעזר] בר' יוסי כל צדקה וחסד שישראל עושים בעה"ז שלום גדול ופרקליטין גדולים בין ישראל לאביהם שבשמים שנאמר (ירמיה טז) כה אמר ה' אל תבא בית מרזח ואל תלך לספוד ואל תנוד להם כי אספתי את שלומי מאת העם הזה נאם ה' החסד ואת הרחמים חסד זה גמילות חסדים רחמים זו צדקה . תניא ר' יהודה אומר גדולה צדקה שמקרבת את הגאולה שנאמר (ישעיה נו) כה אמר ה' שמרו משפט ועשו צדקה כי קרובה ישועתי לבא וצדקתי להגלות . הוא היה אומר עשרה דברים קשים נבראו בעולם הר קשה ברזל מחתכו ברזל קשה אש מפעפעו אש קשה מים מכבין אותו מים קשים עבים סובלים אותם עבים קשים רוח מפזרתן רוח קשה גוף סובלו גוף קשה פחד שוברו . פחד קשה יין מפיגו . יין קשה שינה מפכחתו ומיתה קשה מכולם וצדקה מצלת מן המיתה שנאמר (משלי י) וצדקה תציל ממות :

פירוש

פרקליטין . מליצי יושר של מלאכי השרת : כי אספתי את שלומי מאת העם הזה . ומהו השלום את החסד ואת הרחמים שהיו רגילין לעשות (ואינם עושין): מפעפעו. מרסקו: הגוף סובלו. כל הגוף מלא רוח :

גלייך ווי ער וואלט געדינט עבודה זרה · דא ביי צדקה שטייט דוא זאלסט דיך היטען טאמער וועט זיין אין דיין הארץ דבר בליעל · אשלעכטע זאך ; אונ דארט ביי עבודה זרה שטייט עס זענען ארויס געגאנגען מענטשין בני בליעל שלעכטע . אזוי ווי דארט האבין דיא שלעכטע מענטשין געדינט עבודה זרה. אזוי דיא שלעכטע מענטשין וואס געבען ניט צדקה . איז גלייך ווי זייא וואלטין געדינט עבודה זרה :

יט תניא · מיר האבין געלערנט רבי אלעזר ברבי יוסי האט געזאגט אלע צדקות אונ חסד וואס די יודין טוהען אויף דער וועלט . ווערט פון דעם גרויס שלום אונ עס ווערין פון דעם גרויסע מליצים גוטע צווישען דיא יודין מיט גאט . אזוי ווי עס שטייט אין פסוק אזוי האט גאט געזאגט דוא זאלסט ניט קומען אין דיא הויז פון אבל . אונ דוא זאלסט ניט גיין בקלאגין · אונ דוא זאלסט ניט שאקלען אויף זייא מיט דעם קאפ צו זיפצען אויף זייא . ווארום איך האב איין גיזאמעלט מיין שלום פון דעם פאלק . אזוי זאגט גאט . ווא ס איז געווען דער שלום · דער חסד אונ דער רחמים וואס זייא פלעגין טאהן ; חסד מיינט מען גמלות חסדים ; אונ רחמים מיינט מען צדקה . אזוי לאנג ווי דיא יודין האבין גיטאהן גמלות חסדים אונ צדקה . איז געווען שלום צווישען גאט אונ דיא יודין . אז זייא האבין אויף געהערט צו טאהן גמלות חסדים מיט צדקה ; האט אויף געהערט דער שלום ; מיר האבין געלערנט רבי יהודה זאגט דיא מצוה פון צדקה איז אזוי גרויס אז זיא מאכט נאנט דיא גאולה . אזוי ווי עס שטייט אין פסוק אזוי האט גאט געזאגט איהר זאלט היטען דעם משפט ואיהר זאלט טאהן ווי דער דין איז . ניט גנבענן ניט גזלנן אונ ניט אנדערע פאלשקייט) אונ איהר זאלט טאהן צדקה ווארום עס איז נאנט מיין הילף זאל קומען . אונ מיין גירעכטיקייט זאל בעוויזען ווערין . רבי יהודה האט געזאגט צעהען שטארקע זאכין זענען בשאפין געווארין אויף דער וועלט . אהארטער בארג . צו שניידט איהם דער אייזין . אהארטין אייזין מאכט איהם דער פייער ווייך · אשטארקער פייער פארלעשט איהם דער וואסער · אשטארקין וואסער · טראגין איהם דיא וואלקינס . שטארקע וואלקינס · דער ווינט פארשפרייט זייא . איין שטארקין ווינט · טראגט איהם דער מענטש (וואו ום דער מענטש איז פול מיט ווינט) . אשטארקער גוף . צו ברעכט איהם אשרעק . אשטארקע שרעק . שטילט איהם דער וויין (אז אמענטש שרעקט אונ ער טרינקט וויין . ווערט ער רוהיג אונ ער הערט אויף צו שרעקין) · אז מען האט שטארקין וויין ניטרונקען . זאל מען שלאפין ; אונ דער שלאף ציהט אויס דעם וויין . דער טויט איז ערגער פון אלץ . אונ צדקה רעטעט דעם מענטש פון טויט . אזוי ווי עס שטייט אין פסוק צדקה רעטעט פון טויט :

כ דרש רבי דוסתאי ברבי ינאי בא וראה שלא כמדת הקב"ה מדת ב"ו מדת ב"ו אדם מביא דורו׳ גדול למלך ספק מקבלים אותו ממנו ספק אין מקבלים אותו ממנו ואם תמצא לומר מקבלים אותו ממנו ספק רואה פני המלך ספק אינו רואה והקב"ה אינו כן אדם נותן פרוטה לעני זוכה ומקבל פני שכינה שנאמר (תהלים יז) אני בצדק אחזה פניך אשבעה בהקיץ תמונתך . ר"א יהיב פרוטה לעני והדר מצלי אמר כתיב אני בצדק אחזה פניך מאי אשבעה בהקיץ תמונתך אמר רב נחמן בר יצחק אלו תלמידי חכמים שמנדדין שינה מעיניהם בעה"ז והקב"ה משביען מזיו השכינה לעה"ב . א"ר יוחנן מ"ד (משלי יז) מלוה ה' חונן דל אלמלא מקרא כתוב אי אפשר לאמרו כביכול עבד לוה לאיש מלוה :

אני בצדק. תהלה ואחר כך אחזה פניך בתפלה: אשבעה בהקיץ תמונתך. בשכר הקלה אשבעה תמונתך: מלוה ה' חונן דל. החונן דלים מעשה מלוה להקדוש ב"ה והכתיב עבד לוה לאיש מלוה: ואיזו היא צדקה המצלת מדינה של גיהנם. כלומר איזו מן המקראות הללו מדבר מדין גיהנם

כא א"ר חייא בר אבא (אמר) ר׳ יוחנן [רמי] כתיב (שם יא) לא יועיל הון ביום עברה וצדקה תציל ממות וכתיב (שם י) לא יועיל אוצרות רשע וצדקה תציל ממות ב׳ צדקות הללו למה אחת שמצלת מדינה של גיהנם ואחת שמצלת ממיתה משונה ואיזה היא

כ דרש. רבי דוסתאי ברבי ינאי האט גידרשת קום אונ זעה אז דער פירונג פון גאט איז ניט וויא דער פירונג פון אמענטשין . דער פירונג פון אמענטשין איז . אז אמענטש ברייננט אגרויסע מתנה צו אמלך . ווייס ער נאך ניט אויב מען וועט צו נעמען פון אים דיא מתנה : אדער מען וועט ניט צוא נעמען פון איהם דיא מתנה. אונ אויב מען וועט צוא נעמען פון איהם דיא מתנה. ווייס ער נאך ניט אויב ער וועט זעהן דעם פנים פון מלך. אדער נייז. אבער גאט איז ניט אזוי . אז אמענטש גיט אפרוטה צוא אארעם מאן. איז ער זוכה צוא זעהן דעם פנים פון דער שכינה אזוי וויא עס שטייט אין פ' וק דוד המלך האט גיזאגט אז איך גיב צדקה בין איך זוכה צו זעהן דיין פנים . אשבעה בהקיץ תמונתך . ווייל איך שטייא אויף פריא פון שלאף צוא לערנען תורה. וועל איך זוכה זיין איך זאל זאט ווערין מיט דיין גישטאלט . רבי אלעזר פלעגט געבין אפרוטה צו אארעם מאן : דער נאך פלעגט ער דאוונען . ער האט גיזאגט עס שטייט אין פסוק אני בצדק אחזה פניך . פריער גיב איך צדקה . דער נאך זעה איך דיין פנים מיט תפלה . וואס מיינט דער פסוק אשבעה בהקיץ תמונתך . רב נחמן בר יצחק זאגט דאס מיינט מען דיא תלמידי חכמים וואס זייא טוהען אפ דעם שלאף פון זייערע אויגען אויף דער וועלט. זייא זאלין לערנען תורה בייא נאכט . וועט זייא גאט זאט מאכען מיט דיא שיינקייט פון דער שכינה אויף עולם הבא . רבי יוחנן זאגט עס שטייט אין פסוק מלוה ה' חונן דל. דער וואס גיט צדקה צום ארעם מאן. איז גלייך וויא ער וואלט דאס געלט פאר בארגט צוא גאט . ווען דער פסוק וואלט ניט אזוי גזאגט. וואלטין מיר דאס אליין גאר ניט גיקענט זאגין . דער מענטש זאל זיין אמלוה אונ גאט זאל זיין אלוה . אונ דער לוה איז אקנעכט צום מלוה :

כא אמר. רבי חייא בר אבא האט גזאגט רבי יוחנן האט גיפרעגט עס שטייט אין פסוק דאס פאר מעגין פון מענטשין קען אים ניט העלפין אין דעם טאג וואס גאט איז אין כעס. אבער צדקה איז מציל פון טויט . אונ אין אנדערין פסוק שטייט דיא אוצרות פון רשע קענען ניט העלפין אונ צדקה איז מציל פון טויט . צוא וואס זאגט שלמה צוויי מאהל איין זאך אז צדקה איז מציל פון טויט . נאר איין מאהל זאגט שלמה אז צדקה איז מציל פון גיהנם . דער נאך זאגט שלמה אז צדקה איז מציל פון אמיתה משונה. וועלכער פסוק שמועסט פון דיא צדקה וואס איז מציל פון גיהנם . דער פסוק וואס אין אים שטייט עברה . כעס : ווארום ביי דעם גיהנם שטייט אין פסוק יום עברה היום ההוא . דער טאג פון גיהנם איז אטאג פון כעס. אונ וועלכע צדקה איז מציל פון אמיתה משונה . אז דער וואס גיט דיא צדקה ווייס ניט צוא וועמען ער

היא שמצלת מדינה של גיהנם ההוא דכתיב ביה עברה דכתיב (צפניה א) יום עברה היום ההוא ואיזו היא שמצלת ממיתה משונה (ע"ב) נותנה ואינו יודע למי נתנה נוטלה ואינו יודע ממי נוטלה . נותנה ואינו יודע למי נותנה לאפוקי מדמר עוקבא . נוטלה ואינו יודע ממי נוטלה לאפוקי מדר' אבא ואלא היכי ליעבד ליתבה לארנקי של צדקה מיתיבי מה יעשה אדם ויהיו לו בנים [זכרים] ר' אלעזר אומר יפזר מעותיו לעניים ר' יהושע (בן קרחה) אומר ישמח את אשתו בדבר מצוה רבי אליעזר בן יעקב אומר לא יתן אדם פרוטה לתוך ארנקי של צדקה אלא א"כ ממונה עליה כר' חנינא בן תרדיון כי קאמרינן דממונה עליה כר' חנינא בן תרדיון א"ר אבהו אמר משה לפני הקב"ה רבש"ע במה תרומם קרן ישראל א"ל בכי תשא . וא"ר אבהו שאלו את שלמה בן דוד עד היכן כחה של צדקה אמר להם באו וראו מה פירש דוד אבא (תהלים קיב) פזר נתן לאביונים צדקתו עומדת לעד קרנו תרום בכבוד . (רבא) [ר' אבא] אמר מהכא (ישעיה לג) הוא מרומים ישכון מצדות סלעים משגבו לחמו נתן מימיו נאמנים

פירוש

אותו הכתוב בו לא יועיל הון ביום עברה : נותנה ואינו יודע למי נותנה . כדמפרש בסיפא יתננה לכיס של צדקה . דמר עוקבא ודרבי אבא . במס' כתובות מר עוקבא הוה רגיל לשדר לעניא בשבבותיה כל יומא ד' זוזי בגמרא דדשא והעני אינו יודע מי נתנה והוא יודע מי נטלה ורבי אבא הוה צייר זוזי בסודריה ושדי לאחוריה וממציא נפשיה ביני עניי והעני נוטלה ויודע ממי נוטלה והוא אינו יודע למי נותנה : בדבר מצוה . לפני תשמיש : א"ל בכי תשא . אם באת לשאת את ראשם בהגבהה קח מהם כופר לצדקה :

גִיט. אוּנ דֶער וָואס נֶעמְט דִיא צְדָקָה וֵוייס נִיט פוּן וֶועמֶען עֶר נֶעמְט. אַז עֶר גִיט דִי צְדָקָה אוּנ עֶר וֵוייס נִיט צוּא וֶועמֶען עֶר גִיט. דָאס אִיז נִיט וִויא מַר עוּקְבָא הָאט גִיטָאהְן. וָוארוּם מַר עוּקְבָא פְלֶעגְט גֶעבִּין צוּא זַיין אָרֶעמֶען שְׁכֵנִים אַלֶע טָאג פִיר גִילְדִין אוּנ עֶר פְלֶעגְט לֵייגֶען דָס גֶעלְט אוּנְטֶער דִיא טִיר. מַר עוּקְבָא הָאט גֶעוואוּסְט וֶועמֶען עֶר גִיט. נָאר דֶער אָרֶעם מַאן הָאט נִיט גֶעוואוּסְט פוּן וֶועמֶען עֶר נֶעמְט. אַז עֶר נֶעמְט דִיא צְדָקָה אוּנ עֶר וֵוייס נִיט פוּן וֶועמֶען עֶר נֶעמְט דָאס אִיז נִיט וִויא רַבִּי אַבָּא הָאט גִיטָאהְן. וָוארוּם רַבִּי אַבָּא פְלֶעגְט אַיין בִּינְדֶען גֶעלְט אִין אַפּאטְשֵׁיילֶע אוּנ עֶר פְלֶעגְט לֵייגִין דִיא פַּאטְשֵׁיילֶע אוֹיף דִיא פְּלֵייצֶעס. אוּנ פְלֶעגְט גֵיין צְווִישֶׁען דִיא אָרֶעמֶע לַייט. אוּנ דִיא אָרֶעמֶע לַייט פְלֶעגִין אַרָאפּ נֶעמֶען דִיא פַּאטְשֵׁיילֶע מִיט גֶעלְט פוּן זַיינֶע פְּלֵייצֶעס. דֶער אָרֶעם מַאן הָאט גֶעוואוּסְט פוּן וֶועמֶען עֶר נֶעמְט. אָבֶּער רַבִּי אַבָּא הָאט נִיט גֶעוואוּסְט וֶועמֶען עֶר הָאט גִיגֶעבִּין. נָאר וִויא דֶען זָאל עֶר טָאהְן. עֶר זָאל דָאס גֶעלְט אַרַיין וַוארְפֶען אִין דֶעם בַּייטִיל פוּן צְדָקָה. אוּנ דִיא גַבָּאִים פוּן צְדָקָה צוּא טֵיילֶען דָאס גֶעלְט צוּ אָרֶעמֶע לַייט. דֶער אָרֶעם מַאן וֵוייס נִיט וֶוער הָאט דָאס גֶעגִיט גִיגֶעבִּין. אוּנ דֶער בַּעַל הַבַּיִת וֵוייס נִיט וֶוער הָאט דָאס גֶעלְט גֶענוּמֶען. פְרֶעגְט דִיא גְמָרָא מִיר הָאבֶּען גִילֶערְנְט וָואס זָאל אַמֶענְטְשׁ טָאהְן עֶר זָאל הָאבֶּען קִינְדֶער זְכָרִים: רַבִּי אֶלְעָזָר זָאגְט עֶר זָאל פַר שְׁפְּרֵייטִין זַיין גֶעלְט צוּא אָרֶעמֶע לַייט. רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ זָאגְט עֶר זָאל דֶער פְרֵייעֶן זַיין וַוייבּ מִיט אַמִצְוָה פאר דֶעם תַּשְׁמִישׁ. רַבִּי אֱלִיעֶזֶר בֶּן יַעֲקֹב זָאגְט אַמֶענְטְשׁ זָאל נִיט גֶעבִּין אֲפִילוּ אַיין פְּרוּטָה אִין דֶער בַּייטִיל פוּן צְדָקָה. סַיידִין דֶער גַבַּאי פוּן צְדָקָה אִיז אַזוֹי פְרוּם וִויא רַבִּי חֲנִינָא בֶּן תְּרַדְיוֹן. זֶעהְן מִיר דָאךְ אַז מֶען דַארְף נִיט גֶעבִּין אִין בַּייטִיל פוּן צְדָקָה. עֶנְטְפֶערְט דִיא גְמָרָא מִיר מֵיינֶען אוֹיף עֶר זָאל גֶעבִּין אִין אַזוֹי אַבַּייטִיל פוּן צְדָקָה. וָואס דֶער גַבַּאי אִיז אַזוֹי פְרוּם וִויא רַבִּי חֲנִינָא בֶּן תְּרַדְיוֹן. רַבִּי אַבָּהוּ זָאגְט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גְזָאגְט פאר רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם מִיט וָואס וֶועסְטוּ אוֹיף הֵייבִּין דִיא שְׁטַארְקֵייט פוּן דִיא יוּדִין. הָאט גָאט גְזָאגְט מִיט כִּי תִשָּׂא. (דָאס מֵיינְט מֶען מִיט צְדָקָה אַזוֹי וִויא עֶס שְׁטֵייט אִין דִיא סִדְרָה כִּי תִשָּׂא). נָאךְ הָאט רַבִּי אַבָּהוּ גְזָאגְט מֶען הָאט גִיפְרֶעגְט בַּיי שְׁלֹמֹה בֶּן דָוִד בִּיז וִויא וַוייט אִיז גְרוֹיס דֶער כֹּחַ פוּן צְדָקָה. הָאט שְׁלֹמֹה צוּא זֵייא גִיזָאגְט קוּמְט אוּנ זֶעהְט וָואס מַיין פָאטְעֶר דָוִד הָאט גְזָאגְט אַז עֶר הָאט פַאר שְׁפְּרֵייט גֶעלְט צוּא אָרֶעמֶע לַייט. זַיין צְדָקָה וֶועט שְׁטֵיין אוֹיף אֵייבִּיג זַיין גְרוֹיסְקֵייט וֶועט דֶער הוֹיבִּין וֶוערִין מִיט כָּבוֹד. רַבִּי אַבָּא זָאגְט פוּן דֶעם פָּסוּק וַוייסֶען מִיר דֶעם כֹּחַ פוּן צְדָקָה. עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק

נאמנים מה טעם הוא מרומים ישכון מצדות סלעים משגבו דלחמו נתן ומימיו נאמנים:

כב וא"ר אבהו שאלו את שלמה בן דוד איזהו בן העה"ב אמר להם כל (ישעיה כד) שנגד זקניו כבוד כי הא דיוסף בריה דרבי יהושע (בן לוי) חליש ואתנגיד א"ל אבוה מאי חזית א"ל עולם הפוך ראיתי עליונים למטה ותחתונים למעלה א"ל עולם ברור ראית א"ל אנן היכי איתנן א"ל כי היכי דאיתנן הכא איתנן התם ושמעתי שהיו אומרים אשרי מי שבא לכאן ותלמודו בידו ושמעתי שהיו אומרים הרוגי מלכות אין כל בריה יכולה לעמוד במחיצתן מאן נינהו אילימא ר"ע וחביריו משום הרוגי מלכות ותו לא פשיטא דהא איכא מעשים טובים בלאו הכי נמי לא אלא הרוגי לוד:

כג תניא אמר להם רבן יוחנן בן זכאי לתלמידיו בני מהו שאמר הכתוב (משלי יד) צדקה תרומם גוי וחסד לאומים חטאת נענה רבי אליעזר ואמר

כנגד זקניו כבוד. אותם שחולקים להם כבוד בעוה"ז מחמת חכמת זקנתם: עליונים למטה. אותם שהם עליונים כאן מחמת עשרם ראיתי שם [שהם] למטה: ותחתונים למעלה. ראיתי עניים שהם בינינו שפלים ושם ראיתים חשובים: ואנן. בני תורה היכי איתנן היאך יש חשיבותינו: כי היכי דאיתנן הכא. חשובים ונכבדים הכי איתנן התם: הרוגי מלכות ותו לא. כלומר הך מילתא להודיע הוא דאתי כהו שנהרגו על קדושת השם ותו לא הואי בהו: הרוגי לוד. לולינוס ופפוס אחים שהרגן טורייינוס בלודקיא כדאמרינן במסכת תענית ע"י גזרה שגזר על ישראל להשמיד על שנמצאת בת המלך הרוגה ותלו את ישראל עליה ועמדו האחין הללו ואמרו מה לכם על ישראל אנחנו הרגנוה:

הוא מרומים ישכון מצדות סלעים משגבו לחמו נתן מימיו נאמנים. פאר וואס וועט זיין זיין רוהונג גאנץ הויך אונ זיין שטארקייט וועט זיין ווי אין אפעסטונג פון שטיינער. ווייל ער האט געגעבין זיין ברויט אונ וואסער צו ארעמע לייט:

כב ואמר. נאך האט רבי אבהו גזאגט מען האט גיפרעגט ביי שלמה בן דוד ווי אזו קען מען וויסען וועלכער מענטש האט עולם הבא. האט שלמה צוא זייא גזאגט דיא מענטשין וואס האבען כבוד פאר זייער תורה אויף דער וועלט. דיא וועלין האבען עולם הבא אויך. אזו וויא עס האט אמאהל גיטראפען יוסף דער זוהן פון רבי יהושע איז קראנק גיווארין אונ איז גיוועזען אזוי וויא גוסס. דער נאך אז ער איז געזונד גיווארין. האט דער פאטער צו אים גזאגט וואס האסטו גיזעהן. האט יוסף גזאגט איך האב גיזעהן אפארקערטע וועלט. דיא מענטשין וואס זענען דא אויף דער וועלט גרויס דורך זייער רייכקייט. זענען דארט אויף יענע וועלט קליין. אונ דיא מענטשין וואס זענען דא אויף דער וועלט גאנץ נידעריג ווייל זייא זענען ארעם. זענען דארט אויף יענע וועלט גרויס. האט דער פאטער גזאגט צוא זיין זוהן יוסף דו האסט גיזעהן אריכטיגע וועלט. נאך האט גיפרעגט רבי יהושע ביא זיין זוהן מיר תלמידי חכמים וויא זענען מיר דארט אויף יענע וועלט. האט דער זוהן גזאגט אזוי וויא מיר זענען חשוב אויף דער וועלט אזו זענען מיר חשוב אויף יענע וועלט. אונ איך האב גיהערט מען האט דארט גיזאגט דיא מענטשין וואס זענען גיהרגת גיווארין פון מלך קען קיין מענטש ניט שטיין אויף דעם ארט וואו זיי שטיין. יעצט פרעגט דיא גמרא וועלכע מענטשין האט יוסף גימיינט. מיר זאלין זאגין אז ער מיינט רבי עקיבא מיט זיינע חברים וואס זייא זענען גיהרגת גיווארין פון מלך. צוא דען נאר ווייל זייא זענען גיהרגת גיווארין פון מלך דריבער איז זייער עולם הבא אזוי גרויס. אפילו ווען זייא וואלטין ניט גיהרגת גיווארין פון מלך נאר זייא וואלטין גישטארבין אויף זייער בעט. וואלט אויך זייער עולם הבא גרויס גיוועזן. ווייל זייא זענען גיוועזן גרויסע צדיקים אונ האבען גיהאט פיל תורה מיט מעשים טובים. נאר יוסף האט גימיינט דיא צוויי ברידער פפוס אונ לולינוס וואס זענען גיהרגת גיווארין אין לוד (אזוי וויא עס שטייט אין מסכת תענית):

כג תניא. מיר האבען גילערנט רבן יוחנן בן זכאי האט גזאגט צוא זיינע תלמידים. מיינע קינדער וואס מיינט דער פסוק צדקה טוהט דער הויבין דיא פאלק אונ דער חסד פון דיא פעלקער איז א זינד. האט רבי אליעזר גיענטפערט צדקה טוהט דער הויבין דיא פאלק.

הרי זה צדיק גמור. בדבר זה ובמחשבה זו: כאן בישראל כאן באוה"ע. ישראל דעתם לשמים בין יחיה בין לא יחיה אין מהרהרין אחר מדת הדין אבל אוה"ע אינו נותן אלא על מנת כן ואם לא מהרהר: יום עברה ביום כהות. ביום הדין מהתעי

ואמר צדקה תרומם גוי אלו ישראל דכתיב (ש"ב ז) ומי כעמך כישראל גוי אחד בארץ וחסד לאומים חטאת כל צדקה וחסד שהעכו"ם עושין חטאת הוא להם שאין עושין אלא להתגדל בו שנאמר (עזרא ו) די להון מהקרבין ניחוחין לאלה שמיא ומצלין לחיי מלכא ובנוהי. ומאן דעביד הכי לאי מעליותא היא והתניא האומר סלע זו לצדקה בשביל שיחיו בני או בשביל שאזכה לחיי העה"ב ה"ז צדיק גמור ל"ק כאן בישראל כאן בעכו"ם. נענה ר' יהושע ואמר צדקה תרומם גוי אלו ישראל דכתיב ומי כעמך ישראל גוי אחד בארץ וחסד לאומים חטאת כל שנאמר (דניאל ד) להן מלכא מלכי ישפר עליך וגו' הן תהוה ארכא לשלותך נענה רבן גמליאל ואמר צדקה תרומם גוי אלו ישראל דכתיב ומי כעמך ישראל גוי אחד בארץ וחסד לאומים חטאת כל צדקה וחסד שהעכו"ם עושין חטאת הוא להם לפי שאין עושין אלא להתייהר בו וכל המתייהר נופל בגיהנם שנאמר (משלי כא)

זד

דָאס מֵיינְט מֶען דִיא יוּדִין. דִיא צְדָקָה וָואס דִיא יוּדִין טוּהֶען דָאס מַאכְט זֵייא גְרוֹיס. אַזוֹי וִויא עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק וּמִי כְּעַמְּךָ יִשְׂרָאֵל גּוֹי אֶחָד בָּאָרֶץ. זֶעהְן מִיר אַז דִיא יוּדִין וֶוערִין גִירוּפֶען גּוֹי. אוּנ דֶער חֶסֶד פוּן דִיא פֶעלְקֶער אִיז אַזִינְד. דָאס מֵיינְט מֶען אַלֶע צְדָקוֹת אוּנ חֶסֶד וָואס דִיא פֶעלְקֶער טוּהֶען: אִיז דָאס אַזִינְד צוּא זֵייא. וָוארוּם זֵייא טוּהֶען נִיט פוּן מִצְוָה וֶועגִין. נָאר פוּן גְרוֹיסְקֵייט וֶועגִין (נָאט זָאל זֵייא גְרוֹיס מַאכֶען). אַזוֹי וִויא עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק וֶוען דָרְיָוֶשׁ הַמֶּלֶךְ הָאט גִיגֶעבִּין קָרְבָּנוֹת אוֹיף דֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ הָאט עֶר גֶזָאגְט מֶען זָאל מַקְרִיב זַיין קָרְבָּנוֹת צוּ דֶעם גָאט וָואס אִין הִימֶעל אוּנ מֶען זָאל בֶּעטִין דֶער מֶלֶךְ מִיט זַיינֶע קִינְדֶער זָאלִין לֶעבִּין. פְרֶעגְט דִיא גְמָרָא אוּנ דֶער וָואס טוּהְט אַזוֹי אִיז נִיט גוּט. מִיר הָאבֶען דָאךְ גִילֶערְנְט אַז אֵיינֶער זָאגְט דֶער טָאלֶער זָאל זַיין אוֹיף צְדָקָה וַוייל מַיין קִינְד זָאל לֶעבִּין. אָדֶער וַוייל אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּא עוֹלָם הַבָּא: אִיז עֶר אַאֶמֶת'ר צַדִיק. עֶנְטְפֶערְט דִיא גְמָרָא עֶס אִיז נִיט קֵיין קַשְׁיָא. אַז אַיוּד זָאגְט אַזוֹי אִיז עֶר אַצַדִיק. וָוארוּם אַיוּד וֶועט גִיט חֲרָטָה הָאבֶען אֲפִילוּ גָאט וֶועט נִיט טָאהן וִויא עֶר הָאט פֶערְלַאנְגְט. נָאר עֶר זָאגְט גָאט אִיז גִירֶעכְט. אָבֶּער אַגוֹי גִיט נָאר אוֹיף דֶעם תְּנַאי אוֹיב עֶס וֶועט גִיטָאהן הֶערִין וִויא עֶר הָאט גִיוָואלְט. אָבֶּער אַז עֶס וֶועט נִיט גִיטָאהן וֶוערִין וִוי עֶר הָאט גִיוָואלְט. הָאט עֶר חֲרָטָה אוֹיף דֶעם גַאנְצִין גוּטְץ וָואס עֶר הָאט בִּיז אִיצוּנְד גִיטָאהן. אִיז דָאךְ דִיא צְדָקָה גָאר נִיט. רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ הָאט גִיעֶנְטְפֶערְט צְדָקָה טוּהְט דֶער הוֹיבֶען דִיא פָאלְק דָאס מֵיינְט מֶען דִיא יוּדִין. דִיא צְדָקָה וָואס דִיא יוּדִין טוּהֶען דָאס מַאכְט זֵייא גְרוֹיס. אַזוֹי וִויא עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק וּמִי כְּעַמְּךָ יִשְׂרָאֵל גּוֹי אֶחָד בָּאָרֶץ: זֶעהְן מִיר אַז דִיא יוּדִין וֶוערִין גִירוּפֶען גּוֹי: אַפָאלְק. אוּנ דֶער חֶסֶד פוּן דִיא פֶעלְקֶער אִיז אַזִינְד. דָאס מֵיינְט מֶען אַלֶע צְדָקוֹת אוּנ חֶסֶד וָואס דִיא פֶעלְקֶער טוּהֶען. אִיז דָאס אַזִינְד צוּא זֵייא. וָוארוּם זֵייא טוּהֶען נִיט פוּן מִצְוָה וֶועגִין. נָאר פוּן וֶועגִין זֵייעֶר קֶענִיגְרַייךְ זָאל לַאנְג גִידוֹיעֶרִין. אַזוֹי וִויא עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק דָנִיאֵל הָאט גִיזָאגְט צוּא נְבוּכַדְנֶצַּר. קֶענִיג מַיין עֵצָה זָאל דִיר גִיפֶעלִין דוּא זָאלְסְט גֶעבִּין צְדָקָה. וֶועט זַיין אַדֶערְלֵיינְגֶערוּנְג צוּ דַיין פְרִידֶען. רַבָּן גַּמְלִיאֵל הָאט גִיעֶנְטְפֶערְט צְדָקָה טוּהְט דֶער הוֹיבִּין דִיא פָאלְק דָאס מֵיינְט מֶען דִיא יוּדִין. דִיא צְדָקָה וָואס דִיא יוּדִין טוּהֶען דָאס מַאכְט זֵייא גְרוֹיס. אַזוֹי וִויא עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק וּמִי כְּעַמְּךָ יִשְׂרָאֵל גּוֹי אֶחָד בָּאָרֶץ. זֶעהְן מִיר אַז דִיא יוּדִין וֶוערִין גִירוּפֶען גּוֹי. אַפָאלְק. אוּנ דֶער

חֶסֶד וָואס מֶען טוּהְט מִיט מֶענְטְשִׁין כְּדֵי מֶען זָאל גְרוֹיס וֶוערִין. אָבֶּער נִיט וַוייל גָאט הָאט גִיהֵייסֶען. אִיז דָאס אַזִינְד צוּ זֵיי. וָוארוּם אַז זֵיי וֶועלִין נָאר גְרוֹיס וֶוערִין וֶועלִין זֵיי שׁוֹין מֶעהר קֵיין חֶסֶד טָאהן. אוּנ זֵיי וֶועלִין זִיךְ נָאר גְרוֹיס הַאלְטִין וֶועלִין זֵיי אַרַיין פַאלִין אִין גֵיהִנָם. אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק דֶער רָשָׁע וָואס הַאלְט זִיךְ גְרוֹיס. זַיין נָאמֶען וֶוערְט גִירוּפֶען לֵץ. עוֹשֶׂה בְּעֶבְרַת זָדוֹן.

זד יהיר לץ שמו עושה בעברת זדון ואין עברה אלא גיהנם שנא' (צפניה א) יום עברה היום ההוא אמר ר"ג עדיין צריכין אנו למודעי רבי אליעזר המודעי אומר צדקה תרומם גוי אלו ישראל דכתיב ומי כעמך וגו' וחסד לאומים חטאת כל צדקה והסד שהעכו"ם עושים הטא הוא להם לפי שאין עושים אלא לחרף אותנו בו שנאמר (ירמיה מ) ויבא ויעש ה' כאשר דבר כי הטאתם לה' ולא שמעתם בקולו והיה לכם הדבר הזה נענה ר' נחוניא בן הקנה ואמר צדקה תרומם גוי אלו ישראל וחסד נמי ולאומים חטאת אמר להם רבן יוחנן בן זכאי לתלמידיו נראין דברי ר' נחוניא בן הקנה מדברי ומדבריכם שהוא נותן צדקה והסד לישראל ולאומים חטאת . מדקאמר מדברי ככלל דהוא נמו אמר מאי היא דתניא אמר ריב"ז כשם שהחטאת מכפר על ישראל כך צדקה וחסד מכפרין על אוה"ע :

בנבואת צפניה : המודעי . מכר המודעית כ"ה : ויעש ה' כאשר דבר וגו' . נבוזראדן קאמר ליה לירמיה כשהיה מגלה את ישראל לבבל :

כד איפרא הור מיז אמיה דשבור מלכא שדרה ד' מאה ארנקי דדינרי לקמיה דרבי אמי ולא קבלינהו שדרתינהו לקמיה דרבא וקבלינהו [משום שלום

די שעכין וואס ער טוהט וועט אים ברייננען צו עברה . צום גיהנם : ווארום עברה מיינט מען דעם גיהנם . אזו ויא עס שטייט אין פסוק דער טאג איז א טאג פון עברה . פון גיהנם . וואס דיא רשעים וועלין געמשפט ווערין צום גיהנם . רבן גמליאל זאגט מיר דארפין נאך אן קימען צו רבי אליעזר המודעי . הארום רבי אליעזר המודעי זאגט צדקה טוהט דער הויבין דיא פאלק . דאס מיינט מען די יודין . דיא צדקה וואס דיא יודין טוהען דאס מאכט זייא גרויס . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק מי כעמך ישראל גוי אחד בארץ . זעהן מיר אז דיא יודין ווערין גירופין גוי א פאלק . אונ דער חסד פון דיא פעלקער איז אזינד . דאס מיינט מען אלע צדקות אונ חסד וואס דיא פעלקער טוהען . איז דאס אזינד צו זייא . ווארום זייא טוהען ניט פון מצוה וועגין . נאר צו לעסטערין מיט דיא צדקה אונז יודין . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק נבוזראדן האט גיזאגט צו ירמיה הנביא ווען ער הט פארטריבען דיא יודין אין בבל . גאט האט גיבראכט אונ האט גיטאהן אזוי וויא ער האט גירעט : ווארום איהר האט געזינדיגט צו גאט אונ איהר האט ניט גיהערט זיין שטימע דריבער איז גיווארין צוא אייך דיא זאך וואס מען האט אייך פארטריבען אין גלות . האבין דיא גוים אונז גילעסטערט ווהאס מיר זענען ניט פרום . רבי נחוניא בן הקנה זאגט אזוי מיינט דער פסוק צדקה תרומם גוי וחסד לאומים חטאת . צדקה טוהט דער הויבין דיא פאלק . דאס מיינט מען דיא יודין . אונ חסד טוהט אויך דער הויבין דיא יודין . ואז מען גיט געלט צום ארעם מאן . דאס איז צדקה . אונ אז מען טוהט א טובה צו א ארעם מאן אדער צו א רייכין דאס איז חסד . אונ ביי דיא פעלקער איז ניטא קיין צדקה אונ ניט קיין חסד נאר עבירות . האט רבן יוחנן בן זכאי גיזאגט צו זיינע תלמידים מיר גיפעלט דיא רייד פון רבי נחוניא בן הקנה בעסער וויא מיינע רייד אונ וויא אייערע רייד . ווארום רבי נחוניא גיט צדקה מיט חסד צוא דיא יודין . אונ אויך עבירות גיט ער צוא דיא פעלקער . פרעגט דיא גמרא אז רבן יוחנן בן זכאי זאגט אז די רייד פון רבי נחוניא גיפעלט איהם בעסער וויא זיינע רייד . האט דאך רבן יוחנן אויך עפעס גיזאגט אויף דעם פסוק . וואס האט ער גיזאגט אויף דעם פסוק . זאגט דיא גמרא ווארום מיר האבין גילערנט רבן יוחנן בן זכאי זאגט אזוי וויא א קרבן חטאת איז מכפר אויף דיא יודין זייערע עבירות : אזוי איז ביי דיא פעלקער דיא צדקה אונ חסד וואס זייא טוהען איז מכפר אויף זייערע עבירות :

כד איפרא . הורמיז דיא מוטער פון שבור מלכא האט געשיקט פיר הונדערט בייטלען געלט צו רבי אמי ער זאל דאס צו טיילין אויף צדקה . האט רבי אמי ניט גיוואלט צוא נעמען . האט זיא געשיקט דאס געלט צוא רבא האט ער זייא צו גינומען . האט רבי אמי גיהערט אז

[ביבוש קצירה תשברנה. כשתכלה זכות שבידם וייבש להלחות מעשה לדקה שלהם אז ישברו: דלא סיימוה קמיה. דרב אמי דלעניי אוה"ע הלקן רבא והכך דאמרן לעיל דשדרה נמי איפרא הורמיז לקמיה דרבא משום שלום מלכות קבלינהו ולא אפשר להלקן לעניי אוה"ע דאסור לגנוב דעת הבריות ואפילו דעתו של נכרי אבל במעות המתחלקות לעניים אין גניבת דעת דאינהו נמי ידעי שישראל רגילין לפרנס עניי נכרים כדאמרי' במס' גיטין מפרנסין עניי נכרים עם עניי ישראל מפני דרכי שלום]: אתה אמרת וכו'. מתורתך למדנו לפיכך נבראו אדם יחידי לומר לך כל המקיים נפש אחת מישראל כאילו קיים עולם מלא וכתיב קול דמי אחיך דמו ודם זרעותיו אף כשאתה מקיים ומי אחיך עמך הן מעלים על ידך חיין וחיי זרעותיו במדה טובה מרובה ממדת פורענות לעולם:

מונבז המלך. בנה של הילני המלכה מזרע חשמונאים:

שלום מלכות שמע רבי אמי ואיקפד אמר לית ליה (ישעיה כז) ביבוש קצירה תשברנה וגו' ורבא משום שלום מלכות ור' אמי נמי משום שלום מלכות דאיבעי ליה למפלגינהו לעניי אוה"ע ורבא נמי לעניי אוה"ע יהבינהו ור' אמי דאקפד הוא (דף יא) דלא סיימוה קמיה]. תניא אמרו עליו על בנימין הצדיק שהיה ממונה על קופה של צדקה פעם אחת באתה אשה אחת ועמדה לפניו בשני בצורת אמרה לו רבי פרנסני אמר לה העבודה אין בקופה של צדקה כלום אמרה לו רבי אם אין אתה מפרנסני הרי אשה ושבעה בניה מתים עמד ופרנסה משלו לימים חלה בנימין הצדיק ונטה למות אמרו מלאכי השרת לפני הקב"ה רבש"ע אתה אמרת כל המקיים נפש אחת מישראל כאילו קיים עולם מלא ובנימין הצדיק שהחיה אשה ושבעה בניה ימות בשנים מועטות הללו מיד קרעו לו גזר דינו תנא הוסיפו על שנותיו כ"ב שנים:

כה ת"ר מעשה במונבז המלך שבזבז אוצרותיו ואוצרות אבותיו בשני בצורת וחברו עליו אחיו

רָבָא הָאט צוּ גִינוּמֶען דָאס גֶעלְט פוּן דִיא הוּרְמִיז דִיא מוּטֶר פוּן שְׁבוּר מַלְכָּא. אִיז עֶר אִין כַּעַס גִיוֶוען אוֹיף רָבָא. אוּנ עֶר הָאט גִיזָאגְט הַאלְט דֶען נִיט רָבָא דֶעם פָּסוּק בִּיבוֹשׁ קְצִירָה תִּשָּׁבַרְנָה. אַז עֶס וֶועט טְרוּקֶען וֶוערִין אִיהר שְׁנִיט וְדָאס מֵיינְט מֶען אַז דֶער זְכוּת פוּן זֵייעֶרֶע צְדָקוֹת וֶועט טְרוּקֶען וֶוערִין] וֶועלִין זֵייא צוּא בְּרָאכֶע' וֶוערִין. פַאר וָואס הָאט רָבָא גִינוּמֶען זֵייעֶר גֶעלְט גֶעבִּין פוּן זֵייעֶרְטוֶועגִין נֵייעֶ צְדָקוֹת. זָאגְט דִיא גְמָרָא רָבָא הָאט גִינוּמֶען דָאס גֶעלְט עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם פוּן מֶלֶךְ צוּא דִיא יוּדִין. פַאר וָואס אִיז רַבִּי אַמִי אִין כַּעַס גִיוֶוען אוֹיף רָבָא. עֶר הָאט דָאךְ גִימוּזְט נֶעמֶען עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם פוּן מֶלֶךְ צוּא דִיא יוּדִין. עֶנְטְפֶערְט דִי גְמָרָא רַבִּי אַמִי אִיז נִיט אִין כַּעַס גִיוֶוען אוֹיף רָבָא פַאר וָואס עֶר הָאט גִינוּמֶען. עֶר אִיז נָאר אִין כַּעַס גִיוֶוען פַאר וָואס עֶר הָאט נִיט צוּא טֵיילְט צוּא גוֹיִשֶׁע אָרֶעמֶע לַייט דָאס גַאנְצֶע גֶעלְט. זָאגְט דִיא גְמָרָא רָבָא הָאט טַאקִי צוּא טֵיילְט צוּא גוֹיִשֶׁע אָרֶעמֶע לַייט דָאס גַאנְצֶע גֶעלְט. נָאר רַבִּי אַמִי אִיז אִין כַּעַס גִיוֶוען וַוייל מֶען הָאט אִיהם נִיט דֶער צֵיילְט אַז רָבָא הָאט צוּא טֵיילְט דִיא גַאנְצֶע גֶעלְט צוּא גוֹיִשֶׁע אָרֶעמֶע לַייט. וְאוּנ רַבִּי אמי וָואס עֶר הָאט נִיט גִינוּמֶען דִיא גֶעלְט פוּן שָׁלוֹם וֶועגִין. וַוייל אִין זַיין שְׁטָאט אִיז נִיט גִיוֶוען קֵיין גוֹיִשֶׁע אָרֶעמֶע לַייט] . מִיר הָאבִּין גִילֶערְנְט מֶען הָאט גִיזָאגְט אוֹיף בִּנְיָמִין הַצַדִיק עֶר אִיז גִיוֶוען אַגַבַּאי אוֹיף צְדָקָה. אַמָאהל אִין אַהוּנְגֶער יָאהר אִיז גִיקוּמֶען פַאר אִיהם אַיין אִשָּׁה. אוּנ הָאט גִיזָאגְט צוּ אִים רֶבִּי גִיב מִיר עֶסִין. הָאט בִּנְיָמִין גִיזָאגְט צוּא דִיא אִשָּׁה אִיךְ שְׁוֶוער אַז אִין דִיא קֶעכְטִיל אִיז נִיטָא אֵיין גְרָאשִׁין פוּן צְדָקָה גֶעלְט. הָאט דִיא אִשָּׁה גִיזָאגְט צוּא בִּנְיָמִין רֶבִּי אוֹיב דוּא וֶועסְט מִיךְ נִיט שְׁפַּייזִין וֶועט שְׁטַארְבִּין דִיא אִשָּׁה מִיט זִיבֶּען קִינְדֶער. הָאט בִּנְיָמִין אִיהר גִיגֶעבִּין עֶסִין פוּן זַיין גֶעלְט. אִין אַצַייט שְׁפֶּעטֶער אִיז בִּנְיָמִין הַצַדִיק קְרַאנְק גִיוָוארִין אוּנ עֶר אִיז גִיוֶוען נָאנְט צוּם שְׁטַארְבִּין. הָאבִּין דִיא מַלְאָכִים גִיזָאגְט פַאר גָאט רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם דוּא הָאסְט גִיזָאגְט דֶער מֶענְטְשׁ וָואס דֶער הַאלְט בַּיים לֶעבִּין אֲפִילוּ אֵיין מֶענְטְשִׁין פוּן יוּדִין אִיז גְלַייךְ וְויא עֶר וָואלְט דֶער הַאלְטִין בַּיים לֶעבִּין אַגַאנְצֶע וֶועלְט מֶענְטְשִׁין. אוּנ בִּנְיָמִין הַצַדִיק הָאט דֶער הַאלְטִין בַּיים לֶעבִּין אַיין אִשָּׁה מִיט זִיבֶּען קִינְדֶער זָאל עֶר שְׁטַארְבִּין בַּייא דִיא וֶוייניג יָאהרִין וָואס עֶר הָאט גִילֶעבְּט. הָאט מֶען בַּאלְד צוּא רִיסֶען דֶעם גְזַר דִין. מִיר הָאבִּין גִילֶערְנְט מֶען הָאט צוּא גִיגֶעבִּין צוּא זַיינֶע יָאהרִין נָאךְ צְוֵוייא אוּנ צְוַואנְצִיג יָאהר:

כה תָּנוּ רַבָּנָן. דִי רַבָּנָן הָאבִּין גִילֶערְנְט עֶס הָאט אַמָאהל גִיטְרָאפִין בַּייא דֶעם מֶלֶךְ מוּנְבַּז

אחיו ובית אביו ואמרו לו אבותיך גנזו אוצרות והוסיפו על של אבותם ואתה בזבזת אוצרותיך ואוצ־ות אבותיך אמר להם אבותי גנזו אוצרות למטה ואני גנזתי אוצרות למעלה שנאמר (תהלים פה) אמת מארץ תצמח וצדק משמים נשקף. אבותי גנזו במקום שהיד שולטת בו ואני גנזתי במקום שאין היד שולטת בו שנאמר (שם פט) צדק ומשפט מכון כסאך. אבותי גנזו דבר שאין עושה פירות ואני גנזתי דבר שעושה פירות שנא' (ישעיה ג) אמרו צדיק כי טוב כי פרי מעלליהם יאכלו. אבותי גנזו אוצרות ממון ואני גנזתי אוצרות נפשות שנא' (משלי יא) פרי צדיק עץ חיים ולוקח נפשות חכם. אבותי גנזו לאחרים ואני גנזתי לעצמי שנאמר (דברים כד) ולך תהיה צדקה. אבותי גנזו לעה"ז ואני גנזתי לעה"ב שנאמר (ישעיה נח) והלך לפניך צדקך כבוד ה' יאספך:

(דף יב) **כן א"ר** אבדימי דמן חיפה מיום שחרב בהמ"ק נטלה נבואה מן הנביאים ונתנה לחכמים אטו חכם לאו נביא הוא הכי קאמר אף על פי שנטלה

כשאמת מארץ תצמח אף משמים נשקף הצדק לגמול גמול: נשקף. מביט כמו נשקפה ותיבב כלו' זכות לדקה מביט ומסתכל למטה: מכון כסאך. גניזה תחת מכון הכסא: דבר שעושה פירות. שהקרן קיים לעוה"ב והפירות אוכל בעולם הזה שנאמר כי פרי מעלליהם יאכלו:

אטו חכם לאו נביא. וכי אין חכם ראוי להיות נביא דקאמרת ניטלה נבואה מן הנביאים ונתנה לחכמים מכלל דמעיקרא לא היתה נבואה לחכמים: ה"ק

אז ער האט ארויס גינומען זיינע אוצרות פון זיינע עלטערין און האט אלץ צוא טיילט צוא ארעמע לייט אין אהונגער יאהר. זענען גיקומען צוא מונבז זיינע ברידער און זיין פאטערס משפחה און האבין גיזאגט צוא אים דיינע עלטערין האבין גיזאמעלט אוצרות און זייא האבין נאך פאר גרעסערט דיא אוצרות פון זייערע עלטערין. און דוא האסט ארויס גינומען דיינע אוצרות און דיא אוצרות פון דיינע עלטערין און האסט זייא אוועק גיגעבין צו ארעמע לייט. האט מונבז צוא זייא גיזאגט מיינע עלטערין האבין בעהאלטין אוצרות אויף דער ערד. איך האב בעהאלטין אוצרות אויף דעם הימעל. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק. אז דער אמת שפראצט פון דער ערד. (דאס מיינט מען אז מען גיט צדקה אויף דיא ערד) ווערט פון הימעל גיקוקט אויף דיא צדקה מען זאל בצאהלין דעם שכר. מיינע עלטערין האבין בעהאלטין זייערע אוצרות אויף אזוי אארט וואס אהאנט קען זייא נעמען. און איך האב בעהאלטין אוצ־ות אויף אזוי אארט וואס קיין האנט קען זייא ניט נעמען, אזוי וויא עס שטייט אין פסוק צדק און משפט זענען אן גיברייט ביא דיא שטוהל פון גאט. מיינע עלטערין האבין בעהאלטין אזעלכע אוצרות וואס אויף זייא וואקסט ניט קיין פירות נאר אז מען זאל עסין פון די אוצרות ווערין זיי אלע מאהל ווייניגער און איך האב בעהאלטין אזעלכע אוצרות וואס אויף זייא וואקסט פירות. ועסט מען דיא פירות און דער קרן בלייבט. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק איר זאלט זאגין צום צדיק ער איז גוט. די פרוכט פון זייערע גוטע מעשים וועלין זייא עסין. מיינע עלטערין האבין בעהאלטין אוצרות געלט און איך האב בעהאלטין אוצרות נפשות. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דיא פרוכט פון צדיק איז אבוים פון לעבין און דער וואס קויפט נפשות איז אחכם. מיינע עלטערין האבין בעהאלטין אוצרות פאר אנדערע מענטשין. און איך האב בהאלטין אוצרות פאר זיך: אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ולך תהיה צדקה. דיין צדקה וועט זיין פאר דיר. מיינע עלטערין האבין בעהאלטין אוצרות פאר דיא וועלט, און איך האב בעהאלטין אוצרות פאר עולם הבא. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דיינע צדקות וועלין גיין פאר דיר און דער כבוד פון גאט וועט דיך פאר זאמלען:

כן אמר. רבי אבדימי פון חיפה האט גזאגט פון דעם טאג וואס דער בית המקדש איז חרוב גיווארין איז אוועק גינומען גיווארין דיא נבואה פון דיא נביאים. און זי איז גיגעבין גיווארין צוא דיא חכמים. פרעגט די גמרא און ווען דער בית המקדש איז גיוועין האט אחכם ניט גיקענט זיין אנביא. נאר אזוי מיינט מען אפילו עס איז צוא גינומען גיווארין דיא נבואה פון דיא נביאים וואס זענען ניט חכמים. אבער פון דיא נביאים וואס זענען חכמים איז דיא נבואה ניט צו

אע"פ שנטלה מן הנביאים. שאינם חכמים מן החכמים לא נטלה : ונביא . יש לו לבב חכמה : תדע. שלא נטלה מן החכמים : משמיה דר"ע כוותיה . וליכא למימר בני חד מזלא נינהו שהרי ר"ע חכם ממנו הרבה : ולאו טעמא קאמר . במילתיה וכיון דאמר טעמא אין זה כסומא שמכוון ליכד בארובה במקרה בעלמא אלא סברת הלב היא הבאה לו בנבואה וזכה להסכים להלכה למשה מסיני : בריסתקא . שוק רשות הרבים : דמליך במתא מחסיא . שעתיד להיות ראש ישיבה עכשיו : טביומי חתים . כשחותם באגרת

שנטלה מן הנביאים מן החכמים לא נטלה. אמר אמימר וחכם עדיף מנביא שנאמר (תהלים צ) ונביא לבב חכמה מי נתלה במי הוי אומר קטן נתלה בגדול אמר אביי תדע דאמר גברא רבה מלתא ומתאמרה משמיה דגברא רבה אחרינא כותיה אמר רבא מאי קושיא דלמא תרוייהו בני חד מזלא נינהו אלא אמר רבא תדע דאמר גברא רבה מלתא ומתאמרת (פ"ג) משמי' דרבי עקיבא בן יוסף כותיה אמר רב אשי מאי קושיא דלמא להא מלתא בר מזליה דר"ע הוא אלא אמר רב אשי תדע דאמר גברא רבה מלתא ומתאמרה הלכה למשה מסיני כותיה ודלמא כסומא בארובה ולאו טעמא קאמר בה. א"ר יוחנן מיום שחרב בהמ"ק נטלה נבואה מן הנביאים ונתנה לשוטים ולתינוקות שוטים מאי היא כי הא דמר בר רב אשי הוה קאי בריסתקא דמחוזא שמעיה להההוא שוטה דקאמר ריש מתיבתא דמליך במתא מחסיא השתא טביומי חתים

גענומען געוואָרן. אַמימר זאָגט אַחכם איז בעסער וויא אַנביא וואָרום עס שטייט אין פּסוק ונביא לבב חכמה. דער נביא האָט אַקלוגע האַרץ. וועער בערימט זיך מיט וועמען. געוויס דער קלענערער בערימט זיך מיט דעם גרעסערן : אַז דער נביא בערימט זיך ער האָט אַקלוגע האַרץ. איז דאָך אַקלוגע האַרץ גרעסער וויא נביאות. אַביי זאָגט איך וועל דיר ווייזן אַז פון דיא חכמים איז ניט אַוועק גענומען געוואָרן דיא נביאות. וואָרום אַגרויסער תלמיד חכם פון דער שטאָט האָט געזאָגט אַזאַך. און איין אַנדערער גרויסער תלמיד חכם פון איין אַנדערער שטאָט האָט אויך געזאָגט דיא זעלביגע זאַך. פון וואַנען האָבען געוואוסט ביידע צוא זאָגן איין זאַך. נאָר עס איז געקומען צו דיא אַנביאות. רבא זאָגט דאָס איז קיין קשיא ניט עס קען זיין דיא ביידע תלמידי חכמים זענען געבאָרן אין איין מזל. דריבער האָבען זייא איין חכמה. רבא זאָגט איך וועל דיר זאָגן פון דעם קען מען וויסען אַז פון דיא חכמים איז ניט צוא גענומען געוואָרן דיא נביאות. וואָרום אַגרויסער למדן האָט געזאָגט אַזאַך. און רבי עקיבא בן יוסף וואָס ער איז געווען מיט פיל יאָהרן פריער פאַר איהם האָט אויך אַזוי געזאָגט. און דאָ קען מען ניט זאָגן ווייל זייא זענען ביידע געבאָרן אין איין מזל: דריבער איז זייער חכמה גלייך. וואָרום מיר זעהן אַז זייער חכמה איז ניט גלייך. וואָרום רבי עקיבא בן יוסף איז געווען פיל מער חכם וויא דער למדן. האָט רב אשי געזאָגט דאָס איז אויך ניט קיין קשיא טאָמער צוא דער זאַך איז דער למדן געווען אין איין מזל מיט רבי עקיבא בן יוסף. נאָר זאָגט רב אשי פון דעם קען מען וויסען אַז פון דיא חכמים איז ניט צוא גענומען געוואָרן דיא נביאות. וואָרום אַגרויסער למדן האָט געזאָגט אַזאַך. און נאָך האָט געזאָגט צו משה רבינו אויף דעם באַרג סיני אַזוי וויא דער למדן האָט געזאָגט. פרעגט דיא גמרא טאָמער האָט דער למדן נאָר געטראָפען אַזוי וויא אַבלינדער טרעפט אין גרוב (מיינט דען דער בלינדער צוא גיין אין גרוב. נאָר עס האָט געטראָפען. אַזוי האָט דער למדן גאָר ניט געקלערט מיט זיין שכל וואָס ער זאָל זאָגן. נאָר עס האָט געטראָפען) און ער האָט געזאָגט. זאָגט רב אשי ניט אַזוי איז געווען. נאָר דער למדן האָט געזאָגט דיא זאַך מיט חכמה. פון וואַנען איז אים געקומען אַזוי אַגרויסע חכמה. נאָר דאָס איז געווען אַנבואה. רבי יוחנן זאָגט פון דעם טאָג וואָס דער בית המקדש איז חרוב געוואָרן איז אַוועק גענומען געוואָרן דיא נבואה פון דיא נביאים. און זיא איז געגעבען געוואָרן צוא דיא נאַרן און צוא דיא קינדער. פון וואַנען ווייסען מיר אַז דיא נאַרן זענען נביאים: אַזוי וויא עס האָט אַמאָהל געטראָפען מר בר רב אשי איז געשטאַנען אין דיא גאַס פון מחוזא. האָט ער געהערט וויא אַנאַר זאָגט דער וואָס וועט איצט ווערן אַראש ישיבה אין דער שטאָט מחסיא. וועט ער זיך חתמנן טביומי. האָט מר בר רב אשי געזאָגט פון אַלע רבנן חתמת זיך קי נער ניט

חתים אמר מאן התים בכולהו רבנן טביומי אנא **שמע** מינה לדידי קיימא לי שעתא קם אתא עד דאתא אימנו רבנן עליה דרב אחא מדפתי לאותביה ברישא כד שמעי דאתא (בעי למיפתח רב אחא מדפתי) שדרו זונא דרבנן לגביה לאמלוכי ביה עכבינהו שדרו זוגא אהרינא עלבינהו עד דמלו בי עשרה ופתח איהו ותנא [ודרש] לפי שאין פותחין בכלה פחות מעשרה קרי רב אחא מדפתי אנפשיה כל המריעין לו לא במהרה מטיבין לו וכל המטיבין לו לא במהרה מריעין לו (ולאו מלתא היא אגב צערא דנפשיה קאמר) תינוקות מאי היא כי הא דברתיה דרב חסדא הוה יתבא בכנפיה דאבוה ויתבי קמיה רבא ורמי בר חמא אמר לה מאן בעית מינייהו אמרה ליה תרווייהו אמר רבא ואנא בתרא :

חותם שמו טביומי : קיימא לי שעתא . מזל : שדרו זוגא דרבנן לגביה . דמר בר רב אשי : לאמלוכי ביה. ליטול עלה [ורשות] להמליך את רב אחא : פתח ותנא . ועשה להם ישיבה : כל המריעין לו כו'. כלומר הואיל ונדחית הפעם לא ימליכוני עוד : איש נבוב . כשהוא חלול בלא כריסו מלאה : ילבב

כז אמר רב אבדימי דמן היפה קודם שאכל אדם ושתה יש לו שני לבבות לאחר שאכל ושתה אין לו אלא לב אחד שנאמר (איוב יא) ואיש נבוב ילבב וכתיב (שמות כז) נבוב לוחות ומתרגמינן חליל לוחין אמר רב הונא בריה דרב יהושע הרגיל ביין אפילו

טביומי. נאר איך. געווים וועט איצט זיין מיין צייט איך זאל ווערין אראש ישיבה : איז ער גיגאנגען צוא דיא שטאט מחסיא. איידער ער איז גיקומען צוא דיא שטאט מחסיא דער וויל האבען דיא רבנן גזאגט זייא וועלין מאכען פאר אראש ישיבה רב אחא מדפתי. וויא דיא רבנן האבען גיהערט אז מר בר רב אשי איז גיקומען : האבען דיא רבנן געשיקט צוועיא לומדים צוא מר בר רב אשי פרעגין בייא אים אעצה אויב זייא זאלען מאכען רב אחא מדפתי פאר אראש ישיבה : אהער גיין. האט מר בר רב אשי פאר האלטען דיא צווייא לומדים בייא זיך : האבען דיא רבנן געשיקט נאך צווייא לומדים. האט ער זייא אויך פאר האלטען. ביז עס זענען גיקומען צעהן לומדים. האט מר בר רב אשי אן גיהויבען צוא דרשנן. פאר וואס האט ער גיווארט ביז צעהן מענטשין וועלין קומען ווייל מען טאר ניט אן הייבען זאגין אדרשה אז עס זענען דא ווייניגער וויא צעהן מענטשין. אונ מר בר רב אשי איז גיווארין אראש ישיבה. האט רב אחא מדפתי גיזייענט אויף זיך דער מענטש וואס אים ווערט שלעכט. ניט אויף געשווינד ווערט אים צוריק גוט. אונ דער מענטש וום אים איז גוט. ניט אויף געשווינד ווערט אים שלעכט. אמענטש קען לעבין אלאנגע צייט אין שלעכטס. אונ אמענטש קען לעבין אלאנגע צייט אין גוטס. אונ זיין מזל ענדערט זיך ניט. דריבער אז איך בין איצט ניט גיווארין אראש ישיבה. ווער ווייס אוב איך וועל נאך אמאהל ווערין אראש ישיבה. פון וואנען ווייסען מיר אז דיא קינדער זענען נביאים. אזו וויא עס האט אמאהל גיטראפען אז דיא טאכטער פון רב חסדא איז גיזעסין אויף איר פאטערס שויס. אונ רבא מיט רמי בר חמא זענען גיזעסין פאר רב חסדא. האט רב חסדא גזאגט צוא זיין טאכטער וועלכין פון דיא ביידע ווילסטו נעמען פאר אמאן. האט דיא טאכטער גיזאגט איך וויל ביידע. האט רבא גיזאגט איך וויל זיין דער לעצטער מאן. אונ אזוי איז גיוועז :

כז אמר. רב אבדימי פון היפה האט גזאגט אמענטש איידער ער עסט אונ טרינקט האט ער צווייא הערצער. (אז עס איז אים אספק אויף אזאך קען ער ניט דער קלערין אויף ריכטיג וויא צוא טאהן. אמאהל טראכט ער אזוי. אונ אמאהל טראכט ער אזוי) אבער דער נאך ווי ער האט שוין גיגעסין אונ גיטרונקען. האט ער נאר איין הארץ. קען ער שוין קומען צו איין מיינונג. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ואיש נבוב ילבב. נאך שטייט אין פסוק נבוב לחות : טייטשט דער תרגום חליל לוחין. אוים גיהוילטע ברעטער. איז נבוב דער טייטש ליידיג. מיינט דער פסוק ואיש נבוב. דער מענטש וואס איז ליידיג. ער האט אליידיגען בויך ווייל ער

אפילו לבו אטום כבתולה יין מפקחו שנאמר (זכריה ט) ותירוש ינובב בתולות:

(דף יג ע ב) **כח** ת"ר מדביק אדם תורה נביאים וכתובים כאחד דברי ר"מ ר"י אומר תורה בפני עצמה נביאים בפני עצמן וכתובים בפני עצמן וחכמים אומרים כל אחד ואחד בפני עצמו וא"ר י מעשה בבייתוס בן זונין שהיו לו ח' נביאים מדובקין כאחד ע"פ ראב"ע וי"א לא היו לו אלא אחד אחד בפני עצמו אמר רבי מעשה והביאו לפנינו תורה נביאים וכתובים מדובקין כאחד והכשרנום:

כמי לנבות שאינו מסכים לדעת שלמה: ינובב בתילות. לב אטום כבתולה עושה נבוב והלול: כל אחד ואחד בפני עצמו. כל ספר וספר של נביאים וכתובים צריך להיות כרך לעצמו: ב ייתוס כו' ח' נביאים. כל ספרי נביאים ח' הן: שיעור ס"ת בכמה. ארכו מיבעיא להו: בגויל. פתוח עב והקיפו גדול צריך ו' טפחים זו היא מדה להיותה נגמר בו' טפחים [היקף נכתב בינוני]: ולא אתרמי ליה. ארכו כהיקפו: (אתרמי ליה. ארכו כהקיפו): דילמא תורה צוה לנו משה כתב. ח' פעמים אבל ח' ספרים אין פנאי לאדם ה' לכתוב:

(דף יד) **כט** ת"ר אין עושין ספר תורה לא ארכו יותר על הקיפו ולא הקיפו יותר מעל ארכו שאלו את רבי שיעור ס"ת בכמה א"ל בגויל ו' בקלף איני יודע רב הונא כתב שבעין כפרי דאירי תא ולא אתרמי ליה אלא חד רב אחא בר יעקב כתב חד אמשכא דעגלא ואתרמי ליה יהבו ביה רבנן עינייהו ונח נפשיה אמרו ליה רבנן לרב המנונא כתב רבי אמי ת' ספרי תורות אמר להו דילמא (דברים לג) תורה צוה לנו משה כתב

האט ניט געזעהן. ילבב. האט ער עטליכע הערצער. רב הונא בר ה דרב יהושע זאגט דער וואס איז געוואוהנט צוא טרינקען ויין. אפילו זיין הארץ איז פאר מאכט אזוי וויא א בתולה. וואס עס קען ניט ארייין גיין אין זיין הארץ קיין חכמה. ועט דער וויין אים עפענען זיין הארץ. אונ ער וועט קלוג ווערין: אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ותירוש ינובב בתולות. דיא הארץ וואס איז פר מאכט אזוי וויא א בתולה. וועט דער וויין לעבעדין דאס הארץ דיא חכמה זאל קענען ארייין גיין אין זיין הארץ:

כח תנו רבנן. דיא רבנן האבין גילערונט אמענטש מעג צוא זאמען נייען תורה מיט כתובים אזוי זאגט רבי מאיר. רבי יהודה זאגט תורה זאל זיין בזונדער. נביאים בזונדער. כתובים בזונדער. אונ דיא חכמים זאגין יעדער ספר פון נביאים זאל זיין בזונדער. אונ יעדער ספר פון כתובים זאל זיין בזונדער. נאך האט רבי יהודה גיזאגט ביתוס בן זונין האט גיהאט דיא אכט ספרים פון נביאים צוא זאמען גענייט אונ גימאכט וויא איין ספר. ווייל רבי אלעזר בן עזריה האט איהם גיהייסין אזוי טאהן. אנדערע זאגין פאר קערט איז גיוועזן ביתוס בן זונין האט גיהאט יעדער ספר פון נביאים בזונדער. רבי זאגט מען האט אמאהל געברייינגט פאר אונז תורה נביאים כתובים צוא זאמען גענייט וויא איין ספר. האבין מיר גיזאגט עס איז כשר:

כט תנו רבנן. דיא רבנן האבין גילערונט אספר תורה טאר מען ניט מאכין לייגגער וויא גרעבער אונ ניט גרעבער וויא לייגגער. למשל אז דיא גרעב פון דיא ספר תורה ארום אונ ארום איז אאייל. זאל דיא לייגג פון די ספר תורה אויך זיין אאייל. מען האט גיפרעגט ביא רבי וויא לאנג דארף זיין אספר תורה. האט רבי גיזאגט ביא גראבע פארמעט דארף זיין דיא לייגג זעקס טפחים. ווארום דיא גרעב ארום וועט אויך זיין זעקס טפחים. אונ ביא דיגע פארמעט קען מען ניט זאגין וויא לאנג זיא זאל זיין. ווייל מען ווייס ניט וויא גראב זיא וועט זיין: רב הונא האט געשריבען זיבעציג ספר תורות. האט איהם נאר גיטראפין איינע דיא גרעב מיט דיא לייגג זאל זיין איין מאס. רב אחא בר יעקב האט געשריבען איין ספר תורה אויף אפעל פון אקאלב. האט ער באלד גיטראפין דיא לייגג מיט דיא גרעב זאל זיין גלייך האבין דיא רבנן אים גיגעבין אעין הרע איז ער גישטארבין: דיא רבנן האבין גיזאגט צו רב המנונא רבי אמי האט געשריבען פיר הונדערט ספרי תורות האט רב המנונא גיזאגט צוא דיא רבנן טאמער מיינט איר דעם פסוק תורה צוה לנו משה האט רבי אמי געשריבען פיר הונדערט מאהל. אבער פיר הונדערט גאנצע ספרי תורות

כתב א"ל רבא לר' זירא נטע ר' ינאי ת' כרמי א"ל דילמא שתים כנגד שתים וא' יוצא זנב :

ל תניא ארון שעשה משה אמתים וחצי ארכו ואמה וחצי רחבו ואמה וחצי קומתו באמה של ששה טפחים והלוחות ארכן ששה ורחבן ששה ועביין שלשה ומונחות לארכו של ארון וכמה לוחות אוכלות בארון שנים עשר טפחים נשתיירו שם שלשה טפחים צא מהם טפח מחצה לכותל זה ומחצה לכותל זה נשתיירו שם שני טפחים שבהם ס"ת מונח שנאמר (מ"א ח) אין בארון רק שני לוחות אבנים אשר הניח שם משה בחורב מאי אין בארון רק מיעוט אחר מיעוט ואין מיעוט אחר מיעוט אלא לרבות. ס"ת המונח שם. פרנסתו ארון לארכו צא ופרנס ארון לרחבו כמה לוחות אוכלות בארון ששה טפחים נשתיירו שם שלשה טפחים צא מהם טפח מחצה לכותל זה ומחצה לכותל זה נשתיירו שם שני טפחים שלא יהא

ספר

ב' כנגד ב' : ב' גפנים כנגד ב' ואחד יוצא זנב כך קרוי כרם וכו' :
לארכו של ארון . זו אצל זו : אוכלות . תופסות כך ל' משנה אוכל בדרום אמה אחת גבי יסוד מזבח ואף בלשון מקרא כי יוכלו אתיקים בס' יחזקאל : לא מהם טפח . לעובי הכתלים שהרי מבחוץ נמדד אמתים וחצי ארכו : ספר תורה . שכתב משה כמו שנאמר ויכתוב משה את התורה וגו' : אין ורק . שני מיעוטין הן : שבהם ס"ת מונח . ארכה לרחבו של ארון : פרנסתו ארון לארכו . כלומר מלאת כל חללו לארכו ופירשת לרכי מדתו : ששה טפחים . במדת רחבן : כדי שלא יהא ס"ת וכו'. כלומר לא

איז נאר ניט מעגליך אמענטש זאל דאס אפ שרייבין . רבא האט גיזאגט צו רבי זירא רבי ינאי הט גפלאנצט פיר הונדערט ווין גערטנער . האט רבי זירא גיזאגט צוא רבא טאמער מיינסטו אזעלכע ווינגערטנער . צוויא ווין שטאקין געגין צוויא ווין שטאקין אונ איינער גייט ארוים וויא אווידל :

0 0
0 0

0

ל תניא : מיר האבין גילערונט דער ארון וואס משה האט גימאכט דיא לייגג איז גיוועץ צוויא איילין מיט אהאלבם. דיא ברייט איז גיוועץ אאייל מיט אהאלבם . דיא הייך איז אויך גיוועץ אאייל מיט אהאלבם . יעדער אייל איז גיוועץ לאנג זעקס טפחים (איז גיוועץ דיא לייגג פון ארון פופצעהן טפחים . אונ דיא ברייט פון ארון איז גיוועץ ניין טפחים . אונ דיא הייך פון ארון איז אויך גיוועץ ניין טפחים) אונ דיא לוחות זענען גיוועץ לאנג זעקס טפחים : אונ ברייט אויך זעקס טפחים . אונ גראב דרייא טפחים . ודיא לחות זענען גיוועץ צווייא טאוולען : איינער אויף דעם אנדערין . אונ אז מען האט זייא אויף גימאכט אונ גילייגט איין טאוועל נעבין אנדערין . איז גיווארין צוועלף טפחים אלייגג אונ זעקס טפחים אברייט) . אונ דיא לייגג פון דיא צווייא טאוולען זענען גילעגין אין דיא לייגג פון ארון : וויא פיל האבין דיא לייגג פון דיא לחות פארנומען אין ארון . צוועלף טפחים . איז דער ארון גיוועץ לייגגער וויא דיא לחות מיט דרייא טפחים . דארף מען אראפ נעמען אטפח אויף דיא ווענט פון ארון . אהאלבער טפח איז גיוועץ דיא גרעב פון איין וואנט פון ארון . אונ אהאלבער טפח איז גיוועץ דיא גרעב פון דיא אנדערע וואנט פון ארון . איז געבליבען אין ארון ליידיג צווייא טפחים . אין דיא צווייא טפחים איז גילעגין דיא ספר תורה וואס משה רבינו האט געשריבען . דיא לייגג פון די ספר תורה איז גילעגין צו דיא ברייט פון ארון . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אין בארון רק שני לחות אבנים אשר הניח שם משה בחורב : אין ארון איז ניט מער גיוועץ נאר דיא צווייא שטיינערנע טאוולין וואס משה האט דארט אריין גילייגט אין חורב (אויף דעם בארג סיני פאר וואס שטייט צווייא מאהל ניט . אין אונ רק . דער ווארט אין איז דער טייטש ניט . ניט דאס. נאר דאס . אונ דער ווארט רק איז דער טייטש נאר דאס . אונ ניט דאס . ווא עס שטייען צווייא ווערטער איינער נאך דעם אנדערין ווינציגער צוא מאכין . מאכט דאס ניט ווייניגער נאר דאס מערט נאך . קומט דאס צוא מערין אז אין ארון איז גילעגין די ספר תורה פון משה רבינו נעבין דיא לחות . האט מען שוין אוים גירעכונט דיא לייגג פון ארון . איצט וועט מען אוים רעכענען דיא ברייט פון ארון . דיא ברייט פון דיא לוחות האבין פאר נומען אין ארון זעקס טפחים .

היה צריך להיות רחבו כל כך אלא בשביל ס"ת המונח ארכו לרוחב הארון שלא יהא נכנס ויוצא בדוחק : ור"י אומר . מדת הארון באמה של ה' טפחים והיינו ר"י לטעמי' דקאמר אמת כלים באמה בת ה': מונחות לארכו של ארון . מוטלות על רחבן ולא על חודן : אצבע לכותל זה . שהטפח ד' אצבעות ולמאן דגרים אצבע ומחצה באצבע קטנה קאמר שהטפח ד' אצבעות בגודל וה' באצבע ו' בקטנה: שבו עמודים עומדים . ב' עמודי כסף כמין עמודי ס"ת שוכבים לארכו והלוחות ביניהם שנא' עמודיו עשה כסף : מונח שם בצדו . של ארון : ועליו ס"ת מונח . ואמרינן לקמן

ספר תורה נכנס ויוצא כשהוא דחוק דברי רבי מאיר רבי יהודה אומר באמה בת חמשה טפחים והלוחות ארכן ששה ורחבן ששה ועביין שלשה מונחות בארכו של ארון כמה לוחות אוכלות בארון י"ב טפחים נשתייר שם חצי טפח אצבע לכותל זה ואצבע לכותל זה פרנסתו ארון לארכו צא ופרנס [ארון] לרחבו כמה לוחות אוכלות בארון ששה טפחים נשתייר שם טפח ומחצה צא מהן חצי טפח אצבע ומחצה לכותל זה ואצבע ומחצה לכותל זה נשתייר שם טפח ששם עמודים עומדים שנא' (ש"ס ג) אפריון עשה לו המלך שלמה מעצי הלבנון (וכתיב) (שס) עמודיו עשה כסף וגו' וארגז ששיגרו [בו] פלשתים דורון לאלהי ישראל מונח שם בצדו שנאמר (ש"א ו) ואת כלי הזהב אשר השיבותם לו [אשם] תשימו בארגז מצדו ועליו ס"ת מונח

איז נאָך גֶעבְּלִיבֶּען פוּן אָרוֹן דְרַייא טְפָחִים . דאַרְף מֶען אַרָאפּ נֶעמֶען אַטֶפַח אויף דִיא וֶוענְט פוּן אָרוֹן . אַהַאלבֶּער טֶפַח איז גִיוֶוען דִיא גְרֶעבּ פוּן אֵיין וַואנְט פוּן אָרוֹן . אוּנ אַהַאלבֶּער טֶפַח אִיז גִיוֶוען דִיא גְרֶעבּ פוּן דִיא אַנְדֶערֶע וַואנְט פוּן אָרוֹן . אִיז גֶעבְּלִיבֶּען לֵיידִיג אִין אָרוֹן צְוֵויא טְפָחִים דִיא צְוֵוייא טְפָחִים זֶענֶען גִיוֶוען דִיא סֵפֶר תּוֹרָה זָאל נִיט אַרַיין גִילֵייגְט וֶוערִין אוּנ אַרוֹיס גִינוּמֶען וֶוערִין אֵיינְג . וָוארוּם דִיא לֵיינְג פוּן דִיא סֵפֶר תּוֹרָה אִיז גִיוֶוען זֶעקְס טְפָחִים . אוּנ זֶעקְס טְפָחִים אִין זֶעקְס טְפָחִים קֶען מֶען נִיט אַרַיין לֵייגִין אוּנ נִיט אַרוֹיס נֶעמֶען . דְרִיבֶּער הָאט גִימוּזְט זַיין דִיא בְּרֵייט פוּן אָרוֹן אִינוֶוענִיג אַכְט טְפָחִים . אַזוֹי זָאגְט רַבִּי מֵאִיר . רַבִּי יְהוּדָה זָאגְט יֶעדֶער אֵייל אִיז גִיוֶוען לַאנְג נָאר פִינְף טְפָחִים . אִיז גִיוֶוען דִיא לֵיינְג פוּן אָרוֹן צְוֶועלִיף מִיט אַהַאלבִּין טֶפַח . אוּנ דִיא בְּרֵייט פוּן אָרוֹן אִיז גִיוֶוען זִיבֶּען מִיט אַהַאלבִּין טֶפַח . אוּנ דִיא לוּחוֹת זֶענֶען גִיוֶוען לַאנְג זֶעקְס טְפָחִים אוּנ בְּרֵייט אויךְ זֶעקְס טְפָחִים . אוּנ דִיא גְרֶעבּ אִיז גִיוֶוען דְרַיי טְפָחִים . אוּנ מֶען הָאט גִילֵייגְט דִיא לוּחוֹת אֵיין טָאוֶועל נֶעבִּין אַנְדֶערִין טָאוֶועל . אִיז גִיוָוארִין דִיא לֵיינְג צְוֶועלִיף טְפָחִים ; אוּנ אַזוֹי זֶענֶען זֵייא גִילֶעגִין צוּא דִיא לֵיינְג פוּן אָרוֹן ; וִויא פִיל הָאבִּין דִיא לוּחוֹת פַאר נוּמֶען פוּן אָרוֹן . צְוֶועלִיף טְפָחִים . אִיז גֶעבְּלִיבֶּען אַהַאלבֶּער טֶפַח . וָואס דֶער אָרוֹן אִיז גִיוֶוען לֶיינְגֶער וִויא דִיא לוּחוֹת . אַהַאלבֶּער טֶפַח אִיז צְוֵוייא פִינְגֶער . אֵיין פִינְגֶער אִיז גִיוֶוען דִיא גְרֶעבּ פוּן אֵיין וַואנְט פוּן אָרוֹן . אוּנ אֵיין פִינְגֶער אִיז גִיוֶוען דִיא גְרֶעבּ פוּן דִיא אַנְדֶערֶע וַואנְט פוּן אָרוֹן . הָאט מֶען שׁוֹין אוֹיס גִירֶעכוּנְט דִיא לֵיינְג פוּן דֶעם אָרוֹן . אִיצְט וֶועט מֶען אוֹיס רֶעכֶענֶען דִיא בְּרֵייט פוּן אָרוֹן . דִיא בְּרֵייט פוּן דִיא לוּחוֹת הָאבֶּען פַאר נוּמֶען אִין אָרוֹן זֶעקְס טְפָחִים . אִיז נָאךְ דֶער אָרוֹן גִיוֶוען בְּרֵייטֶער מִיט אטֶפַח אוּנ אַהַאלבִּין טֶפַח . אַהַאלבִּין טֶפַח דַארְף מֶען אָפּ רֶעכֶענֶען אויף דִיא וֶוענְט ، אֵיין פִינְגֶער אִיז גִיוֶוען דִיא גְרֶעבּ פוּן אֵיין וַואנְט פוּן אָרוֹן . אוּנ אֵיין פִינְגֶער אִיז גִיוֶוען דִיא גְרֶעבּ פוּן דִי אַנְדֶערֶע וַואנְט פוּן אָרוֹן . (אוּנ אוֹיבּ מֶען וֶועט מֶעסְטִין דֶעם טֶפַח מִיט דֶעם קְלֵיינֶעם פִינְגֶער אִיז גִירֶעכוּנְט זֶעקְס פִינְגֶער אִין אַטֶפַח . אַהַאלְבֶּער טֶפַח אִיז דְרַייא פִינְגֶער . אִיז גִיוֶוען דִיא גְרֶעבּ פוּן יֶעדֶער וַואנְט אַפִינְגֶער מִיט אַהַאלבִּין פִינְגֶער) . אִיז גֶעבְּלִיבֶּען אִין אָרוֹן אַטֶפַח לֵיידִיג . דָארְטִין זֶענֶען גִילֶעגִין דִיא זַיילִין . וָוארוּם עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק דִיא זַיילִין הָאט עֶר גִימַאכְט פוּן זִילבֶּער . צְוֵוייא זִילבֶּערְנֶע זַיילִין אַזוֹי וִויא דִיא זַיילִין פוּן אַסֵפֶר תּוֹרָה . זֶענְן גִילֶעגִין ... אָרוֹן ; אֵיינֶער פוּן דֶער זַייט לוּחוֹת . אוּנ אֵיינֶער פוּן דֶער זַייט לוּחוֹת . אוּנ דֶער קַאסְטִין וָואס דִיא פְּלִשְׁתִּים הָאבִּין גֶעשִׁיקְט אַמַתָּנָה צוּ גָאט אִיז גִישְׁטַאנֶען אִין קָדְשֵׁי קָדָשִׁים נֶעבִּין אָרוֹן . אַזוֹי וִויא עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק אוּנ דִיא גָאלְדֶענֶע כֵּלִים וָואס אִיר וֶועט אִים צוּרִיק גֶעבִּין פַאר אַיֶיער שׁוּלְד זָאלְט אִיר אַרַיין לֵייגִין אִין קַאסְטִין אוּנ דֶעם קַאסְטִין זָאלְט אִיהר שְׁטֶעלִין בַּייא דֶער זַייט פוּן אָרוֹן . אוּנ אויף דֶעם קַאסְטִין אִיז גִילֶעגִין דִיא סֵפֶר תּוֹרָה .

מונח שנאמר (דברים לא) ושמתם אותו מצד הארון מצדו מונח ולא בתוכו הא מה אני מקיים אין בארון רק לרבות (ע"ב) שברי לוחות שמונחות בארון מנלן מדרב הונא דאמר רב הונא מ"ד (ש"ב ו) אשר נקרא שם שם ה' צבאות יושב הכרובים עליו מלמד שלוחות ושברי לוחות מונחים בארון ואידך ההוא מיבעי ליה לכדר' יוחנן דא"ר יוחנן א"ר שמעון בן יוחאי מלמד שהשם וכל כנוייו מונחים בארון ואידך נמי מיבעי ליה להכי אין ה"נ אלא שברי לוחות מונחים בארון מנ"ל נפקא ליה מדתני רב יוסף דתני רב יוסף (דברים י) אשר שברת ושמתם בארון מלמד שהלוחות ושברי לוחות מונחים בארון ואידך ההוא מיבעי ליה לכדריש לקיש דאר"ל אשר שברת א"ל הקב"ה למשה יישר כחך ששברת :

לא ת"ר סדרן של נביאים יהושע שופטים . שמואל מלכים ירמיה . יחזקאל . ישעיה . תרי עשר . מכדי הושע קדים דכתיב (הושע א) תחלת דבר ה' בהושע

דמעיקרא היה מונח בדף היוצא מן הארון : שברי לוחות מונחים . תחת הלוחות : שם שם . תרי זימני כתיבי ללוח זה ולשברי לוחות : אשר שברת . קרא יתירא הוא למסמכיה לושמתם לדרשה : יישר כחך . ללמדך שהוא מן הדברי' שעשה משה מדעתו והסכימה דעתו לדעת המקום :

אַזוֹי וִויא עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק אִיהר זָאלְט לֵייגִין דִיא סֵפֶר תּוֹרָה בַּייא דֶער זַייט פוּן אָרוֹן. בַּיי דֶער זַייט פוּן אָרוֹן דַארְף לִיגֶען דִיא סֵפֶר תּוֹרָה אָבֶּער נִיט אִין אָרוֹן. וָואס דֶען וֶועלִין מִיר טָאהן מִיט דֶעם פָּסוּק אֵין בָּאָרוֹן רַק. וָואס דֶער פָּסוּק קוּמְט מֶערִין אַז אִין אָרוֹן אִיז גֶילֶעגִין נָאךְ אַזַאךְ אוֹיסֶער דִיא לוּחוֹת. דָאס מֵיינְט מֶען דִיא צוּא בְּרָאכֶענֶע לוּחוֹת זֶענֶען אוֹיךְ גֶילֶעגִין אִין אָרוֹן. פוּן וַואנֶען ווייסִין מִיר אַז דִיא צוּא בְּרָאכֶענֶע לוּחוֹת זֶענֶען אוֹיךְ גֶילֶעגִין אִין אָרוֹן. פוּן רַב הוּנָא ווייסִין מִיר דָאס. וָוארוּם רַב הוּנָא הָאט גֶיזָאגְט עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק מֶען הָאט גִינוּמֶען דֶעם אָרוֹן וָוס אוֹיף אִים וֶוערְט גִירוּפִין שֵׁם שֵׁם ה' צְבָאוֹת יוֹשֵׁב הַכְּרוּבִים. פַאר וָואס שְׁטֵייט צְווייא מָאהל שֵׁם. וַוייל דִיא גַאנְצֶע לוּחוֹת מִיט דִיא צוּא בְּרָאכֶענֶע לִיגֶען אִין דֶעם אָרוֹן. פְרֶעגְט דִיא גְמָרָא אוּנ דֶער וָואס זָאגְט אַז דִיא צוּא בְּרָאכֶענֶע לֻחוֹת זֶענֶען נִיט גִילֶעגִין אִין דֶעם אָרוֹן. צוּא וָואס שְׁטֵייט צְווייא מָאהל שֵׁם שֵׁם. עֶנְטְפֶערְט דִיא גְמָרָא דֶער צְווייא מָאהל שֵׁם דַארְף שְׁטֵיין. אַזוֹי וִוי רַבִּי יוֹחָנָן הָאט גִיזָאגְט. וָוארוּם רַבִּי יוֹחָנָן הָאט גִיזָאגְט פוּן רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאִים וֶועגִין דֶער צְווייא מָאהל שֵׁם לֶערוּנְט אוּנְז אַז דֶער רֶעכְטֶער נָאמֶען פוּן גָאט אוּנ אַלֶע בַּייא נֶעמֶען פוּן גָאט זֶענֶען גִילֶעגִין אִין דֶעם אָרוֹן (דֶער רֶעכְטֶער נָאמֶען פוּן גָאט אִיז הויה. דֶער בַּייא נָאמֶען אִיז. אֱלֹהִים שַׁדַי. צְבָאוֹת. רַחוּם. חַנוּן אוּנ נָאךְ וַוייטֶער). פְרֶעגְט דִיא גְמָרָא אִיז דָאךְ אַקְשְׁיָא אוֹיף דֶעם אַנְדֶערִין תַּנָא. דֶער שֵׁם שֵׁם בַּארְף דָאךְ שְׁטֵיין צוּא וַויְיזִין אַז דֶער נָאמֶען פוּן גָאט מִיט אַלֶע בַּיי נֶעמֶען זֶענֶען גִילֶעגִין אִין אָרוֹן. עֶנְטְפֶערְט דִיא גְמָרָא עֶס אִיז טַאקִי אַזוֹי. דֶער שֵׁם שֵׁם וַוייזְט טַאקִי אַז דֶער נָאמֶען פוּן גָאט מִיט אַלֶע בַּיינֶעמֶען זֶענֶען גִילֶעגִין אִין אָרוֹן. נָאר פוּן וַואנֶען וַוייסִין מִיר אַז דִיא צוּא בְּרָאכֶענֶע לוּחוֹת זֶענֶען גִילֶעגִין אִין אָרוֹן. עֶנְטְפֶערְט דִיא גְמָרָא דָאס וַוייסִין מִיר פוּן רַב יוֹסֵף: וָוארוּם רַב יוֹסֵף הָאט גִילֶערוּנְט. עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק אֲשֶׁר שִׁבַּרְתָּ וְשַׂמְתָּם בָּאָרוֹן דִיא וָואס דוּא הָאסְט צוּא בְּרָאכִין זָאלִין אוֹיךְ לִיגֶען אִין אָרוֹן. לֶערוּנְט אוּנְז דֶער פָּסוּק אַז דִיא גַאנְצֶע לוּחוֹת מִיט דִיא צוּא בְּרָאכֶענֶע לוּחוֹת זֶענֶען גִילֶעגִין אִין אָרוֹן. פְרֶעגְט דִיא גְמָרָא אוּנ דֶער תַּנָא וָואס לֶערוּנְט אָפּ פוּן שֵׁם שֵׁם אַז דִיא צוּא בְּרָאכֶענֶע לוּחוֹת זֶענֶען גִילֶעגִין אִין אָרוֹן. צוּא וָואס דַארְף מֶען דֶעם פָּסוּק אֲשֶׁר שִׁבַּרְתָּ. עֶנְטְפֶערְט דִיא גְמָרָא דֶעם פָּסוּק דַארְף מֶען אַזוֹי וִויא רֵישׁ לָקִישׁ הָאט גִיזָאגְט. גָאט הָאט גִיזָאגְט צוּא משֶׁה אֲשֶׁר שִׁבַּרְתָּ. יְיַשֵׁר כֹּחֲךָ שֶׁשִׁבַּרְתָּ: עֶס זָאל גִישְׁטַארְקְט וֶוערִין דֵיין כֹּחַ וַוייל דוּא הָאסְט צוּא בְּרָאכִין דִיא לוּחוֹת. וָוארוּם מִיט דֶעם צוּא בְּרֶעכִין הָאט עֶר גִיטָאהן אַטוֹבָה צוּא דִיא יוּדִין. וַוייל זֵייא הָאבִּין נָאךְ נִיט גִינוּמֶען דִיא לוּחוֹת. הָאט זֵייא גָאט נִיט גִיקֶענְט שְׁטְרָאפִין אוֹיף דֶעם עֶגֶל:

לא תָּנוּ רַבָּנָן. דִיא רַבָּנָן הָאבֶּען גִילֶערוּנְט דֶער סֵדֶר פוּן נְבִיאִים אִיז יְהוֹשֻׁעַ שׁוֹפְטִים שְׁמוּאֵל מְלָכִים יִרְמְיָה יְחֶזְקֵאל יְשַׁעְיָה תְּרֵי עָשָׂר. פְרֶעגְט דִיא גְמָרָא הוֹשֵׁעַ אִיז דָאךְ גִיוֶוען פְרִיעֶר.

שנתנבאו באותו הפרק. בימי אותם המלכים עוזיהו יותם אחז יחזקיהו בארבעה נביאים הללו כתיב כן הון ממיכה שלא היה בימי עוזיהו אבל היה בימי יותם אחז יחזקיה: חגי זכריה ומלאכי. סופן של נביאים שהם היו בבית שני בשנת שתים לדריוש האחרון: ישעיה קדים לירמיה ויחזקאל. דהרי ישעיה בימי עוזיה וירמיה בימי יאשיהו וכניו נתנבאו בירושלים ויחזקאל בגולה בימי צדקיהו: רות תהלים ואיוב כו'. רות קדמה בימי שפוט השופטים תהלים דוד אמרן והוא קדם לאיוב כמ"ד בימי מלכת שבא היה ואח"כ ג' ספרי שלמה: משלי קהלת. שניהם ספרי חכמה: שיר השירים. נראה בעיני שאמרו לעת זקנתו: קינות. ירמיה אמרן שהיה אחר שלמה: דניאל. אחר ירמיה בימי כ"נ בגולה: אסתר. אחריו בימי אחשורוש: עזרא. אחריו בימי דריוש השני שעמד אחר אחשורוש: ולמ"ד איוב בימי משה היה. לקמן: רות נמי פורענותא היא. רעב וגלות ומיתת אלימלך ובניו: דאית ליה

בהושע וכי עם הושע דבר תחלה והלא ממשה ועד הושע כמה נביאים היו וא"ר יוחנן שהיה תחלה לארבעה נביאים שנתנבאו באותו פרק ואלו הם הושע ישעיה עמוס ומיכה, וליקדמיה להושע ברישא כיון דכתיב נבואתיה גבי חגי זכריה ומלאכי ואינהו סוף נביאים הוו חשיב ליה בהדייהו וליכתביה לחודיה ולקדמיה איידי דזוטרי מירכס מכדי ישעיה קדים לירמיה [ויחזקאל] לקדים לישעיה ברישא כיון דמלכים סופיה חורבנא וירמיה כוליה חורבנא ויחזקאל רישיה חורבנא וסיפיה נחמתא וישעיה כוליה נחמתא סמכינן חורבנא לחורבנא ונחמתא לנחמתא:

לב (ת"ר) סדרן של כתובים. רות תהלים איוב. משלי. קהלת. שיר השירים. קינות. דניאל ומגלת אסתר. עזרא. דברי הימים. ולמ"ד איוב בימי משה היה לקדמיה לאיוב ברישא. אתחולי פורענותא לא מתחלינן. רות נמי פורענותא הוה. פורענותא דאית ליה אחרית דאר"י למה נקרא שמה רות שיצא ממנה דוד שריוהו להקב"ה בשירות ותושבחות

וואָרום עס שטייט אין פּסוק דער אָן הייבּ רייד פון גאָט איז געוועזן מיט הושע. איז דאָך אַקשיא איז דען געוועזן דיא ערשטע רייד פון גאָט מיט הושע. פון משה רבינו ביז הושע זענען דאָך געוועזן פיל נביאים וואָס גאָט האָט מיט זייא גערעדט. האָט רבי יוחנן געזאָגט אַזוי מיינט מען הושע איז געוועזן דער ערשטער צוא דיא פיר נביאים וואָס האָבען נביאות געזאָגט אין דער צייט ופון דיר פיר מלכים עוזיהו יותם אחז יחזקיהו. דאָס זענען דיא פיר נביאים. הושע ישעיה עמוס מיכה. איז דאָך הושע געוועזן פאַר ישעיה. זאָל מען שטעלין זיינע נביאות פאַר ישעיה. ענטפערט די גמרא ווייל דיא נביאות פון הושע איז געשריבען צו זאַמען מיט דיא נביאות פון חגי זכריה מלאכי. אונ חגי זכריה מלאכי זענען געוועזן די לעצטע נביאים. דאַרף דאָך שטיין זייערע נביאות צום לעצטין. דריבער שטייט שוין דיא נביאות פון הושע אויך צום לעצטין. פרעגט דיא גמרא זאָל מען שרייבען דיא נביאות פון הושע בזונדער. אונ מען זאָל זייא שטעלין פריער פר ישעיה. ענטפערט דיא גמרא ווייל דער ספר פון הושע איז קליין. אַז ער וועט זיין בזונדער וועט ער פאַר לאָרין ווערין. פרעגט דיא גמרא ישעיה איז דאָך געוועזן פאַר ירמיה אונ פאַר יחזקאל זאָל שטיין דער ספר פון ישעיה פריער. ענטפערט דיא גמרא ווייל דער סוף פון ספר מלכים איז חורבן. אונ דער ספר ירמיה איז אין גאַנצין חורבן. דריבער איז דער ספר ירמיה נעבין ספר מלכים. אונ דער אָן הייב פון ספר יחזקאל איז חורבן. דריבער שטייט דער ספר יחזקאל נעבין ספר ירמיה. אונ דער סוף פון ספר יחזקאל איז נחמות. אונ דער ספר ישעיה איז אין גאַנצין נחמות. דריבער שטייט דער ספר ישעיה נאָך דעם ספר יחזקאל. ווייל מיר שטעלין חורבן נעבין חורבן. אונ נחמות נעבין נחמות:

לב תנו רבנן. דיא רבנן האָבען געלערנט דער סדר פון כתובים איז רות. תהלים. איוב. משלי. קהלת. שיר השירים. קינות ואיכהו. דניאל. מגלת אסתר. עזרא. דברי הימים: פרעגט דיא גמרא נאָך דעם וואָס זאָגט איוב איז געוועזן אין דיא צייט פון משה. זאָל מען זיין ספר שטעלין גאָר צום ערשטין. ענטפערט דיא גמרא מען הייבט ניט אָן מיט צרות. פרעגט די גמרא רות איז דאָך אויך צרות. ענטפערט דיא גמרא פון דיא צרות פון רות איז אַרויס געקומען אגוטע ערסוף פאַר אַלע יודין דריבער הייסט דאָס ניט קיין צרות. וואָרום רבי יוחנן האָט געזאָגט פאַר וואָס האָט מען איר גערופן רות. ווייל פון איר איז געבאָרין געוואָרין דוד המלך וואָס ער

ותשבחות. ומי כתבן משה כתב ספרו ופרשת בלעם ואיוב. ויהושע כתב ספרו וח׳ פסוקים שבתורה. שמואל כתב ספרו וספר שופטים ורות. דוד כתב ספר תהלים ע״י עשרה זקנים. ע״י אדה״ר. וע״י מלכי צדק וע״י אברהם וע״י משה. וע״י הימן וע״י ידותון וע״י אסף (דף טו) וע״י שלשה בני ק״ח. ירמיה כתב ספרו וספר מלכים וקינות. חזקיהו וסיעתו כתבו ישעיה משלי ושיר השירים וקהלת. אנשי כנסת הגדולה כתבו יחזקאל תרי עשר דניאל ומגלת אסתר. עזרא כתב ספרו ויחס של דברי הימים עד לו. מסייע ליה לרב דאמר רב יהודה אמ׳ רב לא עלה עזרא מבבל עד שיחס עצמו ועלה ומאן אסקיה נחמיה בן חכליה:

לג **אמר** מר יהושע כתב ספרו ושמונה פסוקים שבתורה תניא כמ״ד שמונה פסוקים שבתורה יהושע כתבם דתניא (דברים לד) וימת שם משה

אחרית. סוף הפורענות נהפך לאחרית ותקוה שיאמר דוד מתם: ופרשת בלעם. נבואתו ומשליו אע״פ שאינן צרכי משה ותורתו וסדר מעשיו: וח׳ פסוקים. מן וימת שם עד סוף הספר: שמואל כתב ספרו ושופטים. שכולן קדמו לו ועמד וכתב ספרן ומה שנאמר לוש־אל בי נייהם וכן רות שהיתה בימי השופטים: ע״י עשרה זקנים. כתב בו דברים שאמרו זקנים הללו שהיו לפניו ויש שהיו בימיו כגון אסף וסימן וידותון. [מן] הלוים המשוררים: ע״י אדם הראשון. כגון גלמי ראו עיניך ולי מה יקרו רעיך אל אדם הראשון אמרו: ע״י מלכי צדק. נאם ה׳ לאדוני שב לימיני וכל המזמור: וע״י אברהם. כדאמרינן לקמן איתן האזרחי זה אברהם: וע״י משה. תפלה למשה איש האלהים וכל י״א מזמורים כסדרן: וע״י הימן, משכיל להימן: וע״י ידותון. למנצח לידותון: חזקיה וסיעתו. בני דוד שהאריכו ימים אחריו: כתבו ישעיה. שהרגו מנשה ולא כתב ספרו שלא היו הנביאים כותבין ספריהם אלא לפני מיתתן: משלי וקהלת. דכתיב בספר משלי אשר העתיקו אנשי חזקיה וגו׳ ועל שם שחזקיה גרם להם לעסוק בתורה כדאמרינן בפ׳ חלק נעץ חרב על פתח בהמ״ד וכו׳ נקרא [הדבר] על שמו: אנשי כנסת הגדולה. חגי זכריה ומלאכי ומרדכי וזרובבל וחבריהם: כתבו ספר יחזקאל. שנתנבא בגולה ואיני יודע למה לא כתבו יחזקאל בעצמו אם לא מפני שלא ניתנה נבואה ליכתב בחוצה לארץ וכתבוה אלו לאחר שבאו לא״י:

וכן ספר דניאל שהיה בגולה וכן מגלת אסתר: ושנים עשר. נביאים מתוך שהיו נבואותיהן קטנות לא כתבו הנביאים עצמן איש איש ספרו ובאו חגי זכריה ומלאכי וראו שרוה״ק מסתלקת שהם היו נביאים האחרונים ועמדו וכתבו נבואותיהם וצרפו גב היא הקטנות עמהם ועשאום ספר גדול שלא יאבדו מתוך קטנם: עד לו. עד שייחס לעצמו: מסייע ליה כו׳ עד שייחס לעצמו. שכתב דברי הימים עד שייחס בו את עצמו: ומאן אסקיה. מי סיימו:

תניא כמ״ד וכו׳ [כן] קא דקתני לעיל יהושע כתב ספרו ושמונה פסוקים שבתורה אתיא כי האי תנא דלקמיה דאמר נמי יהושע כתבו: דתניא

האט זאט געמאכט צוא גאט מיט געזאנג און לויב נרות איז אזוי וויא רוה. זאטו. אבער דער סוף פון איוב איז נאר געוועזן גוט פאר אים אליין. ווער האט געשריבען דיא אלע ספרים. משה האט געשריבען זיין ספר: דיא תורה. און דיא פרשה פון בלעם. זיינע משלים מיט זיינע נביאות: און דעם ספר איוב. און יהושע האט געשריבען זיין ספר און דיא לעצטע אכט פסוקים פון דיא תורה. פון וימת משה ביז לעיני כל ישראל. שמואל הנביא האט געשריבען זיין ספר און דעם ספר שופטים און דעם ספר רות. דוד המלך האט געשריבען דעם ספר תהלים. און ער האט געשטעלט נאך קאפיטלאך וואס צעהן אלטע לייט האבען געזאגט. קאפיטל קלט האט אדם הראשון געזאגט. קאפיטל קי האט מלכי צדק געזאגט. קאפיטל פט האט געזאגט אברהם אבינו. פון קאפיטל צ ביז קא האט משה רבינו געזאגט. און עס איז דא קאפיטלאך פון הימן. פון ידותון. פון אסף. און פון קרח דרייא קינדער. ירמיה האט געשריבען זיין ספר און דעם ספר מלכים. און קינות ומגלת איכה. חזקיהו המלך מיט זיינע מענטשין האבען געשריבען דיא ספרים. ישעיה משלי שיר השירים און קהלת. דיא אנשי כנסת הגדולה האבען געשריבען דיא ספרים. יחזקאל תרי עשר דניאל מגלת אסתר. עזרא האט געשריבען זיין ספר און דעם יחוס פון דברי הימים ביז זיין יחוס. דאס וועט זיין אראיה צוא רב. ווארום רב יהודה האט געזאגט פון רבס וועגין עזרא איז ניט אויף געגאנגען פון בבל ביז ער האט געשריבען דעם ספר דברי הימים און זיין יחוס אויך. דער נאך איז ער געקומען אין ארץ ישראל. און ווער האט ווייטער געשריבען דעם ספר דברי הימים. נחמיה בן חכליה האט געשריבען פון עזרא ביז צום סוף:

לג אמר. דער תנא האט געזאגט יהושע האט געשריבען זיין ספר און דיא לעצטע אכט פסוקים פון דיא תורה. זאגט דיא גמרא מיר האבען געלערנט אזוי וויא דער וואס זאגט אז דיא לעצטע אכט פסוקים פון דיא תורה האט יהושע געשריבען. ווארום מיר האבען

משה עבד ה' אפשר משה מת וכתב וימת אלא עד כאן כתב משה מכאן ואילך כתב יהושע דברי רבי יהודה ואמרי לה רבי נחמיה א"ל ר"ש אפשר ס"ת חסר אות אחת וכתיב (שם לא) לקוח את ספר התורה הזה אלא עד כאן הקב"ה אומר ומשה אומר וכותב מכאן ואילך הקב"ה אומר ומשה כותב בדמע כמו שנאמר להלן (ירמיה לו) ויאמר להם ברוך מפיו יקרא אלי את כל הדברים האלה ואני כותב על הספר בדיו. כמאן אזלא הא דא"ר יהושע בר אבא אמר רב גידל אמר רב שמונה פסוקים שבתורה יחיד קורא אותן נימא רבי יהודה היא ודלא כר' שמעון אפילו תימא רבי שמעון הואיל ואישתני אישתני. יהושע כתב ספרו והכתיב (יהושע כד) וימת יהושע וגו' דאסקיה אלעזר והכתיב (שם) ואלעזר בן אהרן מת דאסקיה פנחס. שמואל כתב ספרו והכתיב (ש"א כח) ושמואל מת דאסקיה גד החוזה ונתן הנביא. דוד כתב (ספרו) [ספר תהלים] על ידי עשרה זקנים ולחשוב נמי איתן האזרחי אמר רב איתן האזרחי הוא אברהם כתיב הכא איתן

דתניא. פלוגתא דתנאי בהאי וימת שם וגו': כמו שנא' להלן וכו'. אכולה מלתא קאי דקאמר הקב"ה אומר ומשה כותב כמו שמצינו בהנביאים כותבין מפי רבן: יחיד קורא אותם. כלומר אין מפסיקין בהם: נימא רב יהודה היא. דאמר לא כתבן משה לפיכך נשתנו משאר התורה ודלא כר"ש: הואיל ואשתני. לכתוב

גיקערונט. עס שטייט אין פסוק משה דער קנעכט פון גאט איז דארט געשטארבין. קען דאס זיין משה איז געשטארבין אונ ער האט געשריבען וימת. ער איז געשטארבען: אז ער איז געשטא רבען וויא אזוי האט ער געשריבען. נאר ביז וימת האט משה געשריבען. אונ פון וימת ביז צום סוף תורה האט יהושע געשריבען. אזו זאגט רבי יהודה. אונ אנדערע זאגין רבי נחמיה זאגט אזוי: האט רבי שמעון גזאגט קען דאס זיין אז אין דער תורה זאל פעלין אפילו איין אות. אונ מען זאל זאגין צוא נעמען דיא ספר תורה. אז מיר זאגין משה האט נאר געשריבען ביז וימת משה. האט דאך אין דיא ספר תורה גיפעלט אכט שורות ווען משה האט גילעבט. וואלט מען דאס ניט גערופין ספר תורה. ווארום אפילו איין אות זאל נאר פעלין הייסט דאס אויך ניט קיין ספר תורה. נאר אזוי איז גיוועזן ביז וימת משה האט גאט גזאגט אונ משה האט נאך גזאגט יעדער ווארט אונ האט געשריבען. אונ פון וימת משה ביז צום סוף תורה האט גאט גזאגט אונ משה האט ניט נאך גיזאגט נאר ער האט געשריבען מיט טרערין. אזוי וויא עס שטייט בייא ירמיה הנביא: ברוך האט גזאגט צוא זייא ירמיה האט מיט זיין מויל גילייענט צוא מיר די אלע רייד אונ איך האב געשריבען אויף אספר מיט טינט. זאגט דיא גמרא דאס וואס רבי יהושע בר אבא האט גזאגט אז רב גידל האט גזאגט פון רבס וועגין דיא לעצטע אכט פסוקים פון דיא תורה לייענט זייא איין מענטש. וועלין מיר זאגין אז דאס איז נאר וויא רבי יהודה אונ ניט ווי רבי שמעון. ווארום נאך רבי יהודה אזוי וויא דיא אכט פסוקים זענען גיענדערט גיווארין אונ זענען געשריבען גיווארין דורך יהושע. אזוי זענען זייא גיענדערט גיווארין אז נאר איינער זאל זייא לייענען. אבער נאך רבי שמעון וואס ער זאגט אז דיא אכט פסוקים האט אויך משה געשריבען. זענען דאך דיא אכט פסוקים ניט גיענדערט גיווארין פון דיא גאנצע תורה אין שרייבען. פאר וואס זאלין זייא זיין גיענדערט אין לייענען. זאגט דיא גמרא אפילו רבי שמעון האלט אויך אז נאר איינער זאל לייענען דיא אכט פסוקים. ווייל זייא זענען גיענדערט גיווארין אונ זענען געשריבען גיווארין מיט טרערין. ניט מיט טינט. זענען זייא גיענדערט גיווארין אז נאר איינער זאל זייא לייענען: פרעגט דיא גמרא יהושע האט געשריבען זיין ספר. עס שטייט דאך וימת יהושע. יהושע איז געשטארבען. ענפערט דיא גמרא פון וימת יהושע הט געשריבען אלעזר. פרעגט די גמרא עס שטייט דאך ואלעזר בן אהרן מת. אלעזר איז געשטארבען. ענפערט דיא גמרא פון ואלעזר בן אהרן מת הט געשריבען פנחס. פרעגט די גמרא שמואל הנביא הט געשריבען זיין ספר. עס שטייט דאך ושמואל מת. ענפערט דיא גמרא פון ושמואל מת האט געשריבען גד החוזה און נתן הנביא. דוד האט געשריבען דעם ספר תהלים דורך צעהן זקנים. זאל מען רעכענען איתן

(תהלים פט) איתן האזרחי וכתיב התם (ישעיה מא) מי העיר ממזרח צדק יקראהו לרגלו (ס"א) [ואימא יעקב דכתיב ביה (בראשית לב) ויזרח לו השמש. ההוא מבעי ליה שמש שבאה בעבורו ז"הה בעבורו]. קא חשיב משה וקא חשיב הימן והאמר רב הימן זה משה כתיב הכא הימן וכתיב התם (במדבר יב) בכל ביתי נאמן הוא. תרי הימן הוו. משה כתב ספרו ופרשת בלעם ואיוב מסייע ליה לרבי לוי בר לחמא דאמר ר' לוי בר לחמא איוב בימי משה היה כתיב הכא (איוב יט) מי יתן אפוא ויכתבון מלי וכתיב התם (שמות לג) ובמה יודע אפוא ואימא בימי יצחק דכתיב ביה (בראשית כז) מי אפ א ואימא בימי יעקב דכתיב ביה (שם מג) אם כן אפוא זאת עשו ואימא בימי יוסף דכתיב ביה (שם לז) איפה הם רועים לא ס"ד דכתיב (איוב יט) מי יתן בספר ויוחקו ומשה איקרי מחוקק דכתיב (דברים לג) וירא ראשית לו כי שם הלקת מחוקק. רבא אמר איוב בימי מרגלים היה כתיב הכא (איוב א) איש היה בארץ עוץ איוב שמו וכתיב התם (במדבר יג) היש בה עץ מי דמי התם עץ הכא עוץ הכי קאמר להו משה (למרגלים ראו אם) [לישראל] ישנו לאותו אדם ששנותיו ארוכות כעץ ומגין על דורו.

בדמע אמתני: ואימא יעקב וכ'. לא גרסינן לה. ל"א ה"ג במתניתא דלעיל כמנין דעבדה זקנים קא השיב אברהם ואיתן האזרחי ולא השיב אכף דקבעי מג' בני קרח הוא: והאמר רב הימן זה משה גבי ויחכם מכל האדם מאיתן האזרחי והימן וגו' [איתמר וכן כך דהימן זה משה אהימן דההוא קרא איתמר דכתיב ביה והימן וכלכל וגו']: הרי הימן הוו. משכיל להימן האזרחי סימן אחרינא הוא: ששנותיו כעץ. איוב שהאריך ימים רבים:

האזרחי אויך. האט רב גיזאגט איתן האזרחי איז אברהם. ווארום דא שטייט איתן האזרחי. אונ אזרחי איז דער טייטש שיינונג. אונ דארט ביא אברהם שטייט מי העיר ממזרח צדק יקראהו לרגלו. אונ מזרח איז אויך דער טייטש שיינונג. לערנען מיר אפ אז איתן האזרחי איז אברהם. פרעגט דיא גמרא טאמער מיינט מען איתן האזרחי איז יעקב. ווארום ביא יעקב שטייט ויזרח לו השמש. די זוהן איז אויף גישיינט. ענפערט דיא גמרא דעם ויזרח לו השמש דארף מען האבין אויף איין אנדער דרש. דיא זוהן וואס איז אונטער גיגאנגען פון זיינעט וועגין. האט אויף גישיינט פון זיינעטוועגין. פרעגט דיא גמרא ער רעכונט משה אונ ער רעכונט הימן. רב האט דאך גיזאגט אז הימן איז משה. ווארום דא שטייט הימן אונ דארט ביא משה שטייט בכל ביתי נאמן הוא. אין מיין גאנצע שטוב איז ער בגליבט. אונ הימן איז אויך דער טייטש בגליבט. ענפערט דיא גמרא עס איז גיוועז צוויי הימן. איינער האט גיהייסן הימן. אונ איין הימן מיינט מען משה: משה האט געשריבען זיין ספר התורה אונ דיא פרשה פון בלעם אונ דעם ספר איוב. וועט זיין אראיה צוא רבי לוי בר לחמא. ווארום רבי לוי בר לחמא האט גיזאגט איוב איז גיוועזן אין דיא צייט פון משה. ווארום דא ביא איוב שטייט מי יתן אפוא ויכתבון מלי. אונ דארט ביא משה שטייט ובמה יודע אפוא. האט איוב אפ גילערונט דעם ווארט אפוא פון משה. פרעגט דיא גמרא טאמער איז איוב גיוועזן אין דיא צייט פון יצחק. ביא יצחק שטייט אויך מי אפוא. אונ טאמער איז איוב גיוועזן אין דיא צייט פון יעקב. ביי יעקב שטייט אם כן אפוא זאת עשו. אונ טאמער איז איוב גיוועזן אין דיא צייט פון יוסף. ביא יוסף שטייט אויך איפה הם רועים. ענפערט דיא גמרא איוב איז גיוועזן נאר אין דיא צייט פון משה. ווארום ביא איוב שטייט מי יתן בספר ויוחקו. ווער וואלט געבין אז מיינע רייד זאלין געקריצט ווערין אויף א ספר. אונ משה ווערט גירופין קריצער. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק וירא ראשית לו. ער האט גיזעהן דעם אנהייב פאר זיך. כי שם חלקת מחוקק ספון. ווארום דארט איז דיא פעלד וואס דער מחוקק וקריצלערן וועט בעהאלטין ווערין. רבא זאגט איוב איז גיוועזן אין דיא צייט פון דיא מרגלים. ווארום דא ביא איוב שטייט א מענטש איז גיוועזן אין דיא לאנד עוץ זיין נאמען איז איוב. אונ דארט ביא די מרגלים שטייט היש בה עץ. פרעגט דיא גמרא איז דען דאס גלייך. ביא דיא מרגלים שטייט עץ אונ ביא איוב שטייט עוץ. ענפערט די גמרא אזוי האט משה גיזאגט צו דיא מרגלים איהר זאלט זעהן אויב עס לעבט נאך דער מענטש וואס זיינע יאהרין זענען אזוי לאנג וויא דיא

דורו בעץ :

כד יתיב דה״א מרבנן קמיה דרב שמואל בר נחמני ויתיב וקאמר איוב לא היה ולא נברא אלא משל היה א״ל עליך אמר קרא (איוב א) איש היה בארץ עוץ איוב שמו א״ל אלא מעתה (ש״ב יב) ולרש אין כל כי אם כבשה אחת קטנה וגו' מי הוה אלא משל בעלמא הוא הכי נמי משל בעלמא הוא א״ל א״כ שמו ושם עירו למה לי . ר' יוחנן ור' אלעזר דאמרי תרווייהו איוב מעולי גולה היה ומדרשו בטבריה היה . מיתיבי ימי שנותיו של איוב משעה שנכנסו ישראל למצרים ועד שעה שיצאו (ע״ג) אימא כמשעה שנכנסו ועד שעה שיצאו . מיתיבי שבעה נביאים נתנבאו לאוה״ע בלעם ואביו . ואיוב ואליפז התימני ובלדד השוחי . וצופר הנעמתי . ואליהוא בן ברכאל הבוזי . וליטעמיך אליהוא בן ברכאל הבוזי ה״נ דלא מישראל הוה והא כתיב ממשפחת רם אלא איתנבויי איתנבי לאוה״ע אטו כולהו נביאי מי לא אתנביאו לאוה״ע כולהו נביאי עיקר נביאותייהו לישראל הני

פירוש: משל היה. ללמוד הימנו תשובה למקטריגים על מדת הדין ושאין אדם נתפש על צערו : איש היה. אלמא הוה : אלא מעתה ולרש אין כל וגו' וכבשה דקאמר והכי לו לנתן : מי הוה. משום דכתיב ותני : אימא כמשעה שנכנסו וכו'. ר״י שנה דכתיב ויוסף ה' את כל אשר לאיוב למשנה אף שנותיו הוכפלו דכתיב ויחי איוב אחרי זאת מאה וארבעים שנה למדנו שהיה בן ע' כשבאו יסורין עליו הרי ר״י ולעולם מעולי גולה הוה : נתנבאו לעכו״ם. אלמא עו״ג היה : אליהוא על כרחך מדיחסיה קרא בשמו ושם אביו ושם משפחתו ישראל הוה וא״ד ממשפחת

יאָהרין פון אַבוים און זיין זכות בַּשיצט אויף דעם דור אַזוי וויא אַבוים בעשיצט אויף אַ אין מענטשין פון דיא היץ. דאס מיינט מען איוב וואס ער האט פיל יאָהרין געלעבט :

כד יתיב. איינער פון דיא רבנן איז געזעסין פאר רב שמואל בר נחמני און האט געזאָגט איוב איז ניט געוועזען און איז ניט בַּשאַפין געוואָרין. עס איז נאָר אַמשל. האט רב שמואל געזאָגט צום דעם למדן אויף דיר זאָגט דער פסוק איש היה בארץ עוץ איוב שמו. אַמענטש איז געוועזען אין לאנד עוץ זיין נאָמען איז געוועזען איוב. זעהן מיר אַז איוב איז יאָ געוועזען. האט דער למדן געזאָגט צו רב שמואל עס שטייט אין פסוק דער אָרעם מאן האט גאר ניט געהאט נאָר אַקליינע שעפּסיל און זיא איז געוועזען בייא אים וויא אַטאָכטער. איז דען אַזוי געוועזען. דאס איז נאָר אַמשל. איוב איז אויך נאָר אמשל. האט רב שמואל געזאָגט צום למדן אז דאס וואָלט נאָר געוועזען אַמשל. צו וואס שטייט זיין נאָמען און דער נאָמען פון זיין שטאָט. רבי יוחנן און רבי אלעזר זאָגין ביידע איוב איז געוועזען פון דיא מענטשין וואס זענען אויף גיגאַנגען פון גלות בבל. און זיין בית המדרש איז געוועזען אין טבריא. פרעגט דיא גמרא מיר האבין גילערנט דיא יאָהרין פון איוב זענען געוועזען פון דער צייט וואס דיא יודין זענען אַריין גיגאנגען אין מצרים ביז דיא צייט וואס זייא זענען אַרויס גיגאַנגען פון מצרים. זעהן מיר דאך אַז איוב איז געוועזען אין דיא צייט וואס דיא יודין זענען געוועזען אין מצרים. ענטפערט דיא גמרא איוב איז טאקי געוועזען פון דיא מענטשין וואס זענען אויף גיגאַנגען פון גלות בבל. נאָר ער האט גילעבט אַזוי לאנג ווי עס איז געוועזען פון דער צייט וואס דיא יודין זענין אַריין גיגאַנגען אין מצרים ביז זייא זענין אַרויס גיגאַנגען פון מצרים. דאס איז צוויא הונדערט מיט צעהן יאָהר. פרעגט דיא גמרא מיר האבין גילערנט זיבען נביאים האבין נביאות גיזאָגט צוא דיא פעלקער בלעם מיט זיין פאטער איוב און אליפז התימני: און בלדד השוחי און צופר הנעמתי: און אליהוא בן ברכאל הבוזי. זעהן מיר דאך אַז איוב איז געוועזען אַגוי: פרעגט דיא גמרא און אויף אליהוא בן ברכאל הבוזי וועסט אויך זאָגין אַז ער איז ניט געוועזען אַיוד. עס שטייט דאך ער איז געוועזען פון דיא משפחה רם. דאס מיינט מען פון אברהם. נאָר זייא האבין נביאות גיזאָגט צוא דיא פעלקער. אָבער זיי אַליין זענען געוועזען יודין. פרעגט דיא גמרא אַלע נביאים האבין דאך נביאות גיזאָגט צוא דיא פעלקער פאר וואס רעכענט ער נאָר דיא זיבען. ענטפערט דיא גמרא אַלע נביאים זענען אָן גיבּרייט געוואָרין צו זאָגין נביאות צו יודין. נאָר אַביסול האבין זייא גיזאָגט נביאות צוא דיא פעלקער אויך. אָבער דיא זיבען נביאים זענען נאָר אָן גיבּרייט געוואָרין צו זאָגין צו דיא פעלקער. נאָר אַביסול

הני עיקר נביאותייהו לאוה"ע. מיתיבי חסיד היה באוה"ע ואיוב שמו ולא בא לעולם אלא כדי לקבל שכרו באו עליו יסורין התחיל מחרף ומגדף כפל לו הקב"ה שכרו בעה"ז כדי לטורדו מן העה"ב תנאי היא דתניא רבי אלעזר אומר איוב בימי שפוט השופטים היה שנאמר (איוב כז) הן אתם כלכם חזיתם ולמה זה הבל תהבלו איזהו דור שכולה הבל הוי אומר זה דורו של שפוט השופטים. ר' יהושע בן קרחה אומר איוב בימי אחשורוש היה שנאמר (שם מב) ולא נמצאו נשים יפות כבנות איוב בכל הארץ איזהו דור שנתבקשו נשים יפות הוי אומר זה דורו של אחשורוש. ואימא בימי דוד דכתיב ביה (מ"א א) יבקשו לאדוני המלך נערה יפה התם בכל גבול ישראל הכא בכל הארץ. ר' נתן אומר איוב בימי מלכת שבא היה שנא' (איוב א) ותפול שבא ותקחם וחכמים אומרים בימי כשדים היה שנאמר (שם) כשדים שמו שלשה ראשים. וי"א בימי יעקב היה ודינה בת יעקב נשא כתיב הכא (שם ב) כדבר אחת הנבלות תדברי וכתיב (בראשית לד) כי נבלה עשה בישראל וכולהו תנאי סבירא להו דאיוב מישראל הוה לבר מי"א דאי סלקא דעתך מעכו"ם

רם היינו אברהם : שכולו הבל . כשופטים שבהן לא היו כלום כדאמרי' לקמן שבשפוט היה לו פ"פ לשפוט את שופטיו ומוכיחו : בימי מלכת שבא הוה . ובאו גם גדוד מכשדים עליו : בימי מלכות כשדים . בימי נבוכדנצר היה ובא גם משבא גדוד עליו : וכלהו הני תנאי . כו' מסקנא דתירוצא הוא דתריץ לעיל תנאי היא הכיא מתניתא דלעיל ס"ל דעו"ג הוה והני תנאי דהא מתניתא כלהו סבירא להו דישראל הוה בר מי"א דאמרי בימי יעקב הוה :

האבין זייא גיזאגט נביאות צוא יודין אויך. אבער אנדערע פון דיא זיבען זענען געוועזן יודין. פרעגט די גמרא מיר האבין גילערנט עס איז געוועזן ביי די פעלקער איינער אפרומער. זיין נאמען איז געוועזן איוב. ער איז נישט מער גיקומען אויף דער וועלט נאר צו נעמען זיין שכר. איז אויף איהם גיקומען יסורים האט ער אן גיהויבין צו לעסטערין גאט. האט איהם גאט גיגעבין זיין שכר טאפיל אויף דער וועלט ער זאל פאר טריבען ווערין פון עולם הבא. זעהן מיר דאך אז איוב איז געוועזן א גוי. זאגט דיא גמרא התנאים קריגען אין דער זאך ווען איוב איז געוועזן. וואָרום מיר האבען גילערנט רבי אלעזר זאגט איוב איז געוועזן אין דיא צייט פון שפוט השופטים. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק איר אלע האבען דאך גיזעהן וואָרום זאגט איר אייערן נארעשקייט. וועלכער דור איז געוועזן אין גאנצען נארעש רשעים. דאס איז געוועזן דער דור פון שפוט השופטים. דיא מענטשין האבען גערעכט די שופטים. ווייל דיא שופטים אליין זענען געוועזן רשעים. רבי יהושע בן קרחה זאגט איוב איז געוועזן אין דיא צייט פון אחשורוש. וואָרום עס שטייט אין פסוק עס איז ניט געפונען געווארין אין דיא גאנצע וועלט אזעלכע שיינע ווייבער וויא דיא טעכטער פון איוב זענען געוועזן. אין וועלכער צייט האט מען גיזוכט שיינע ווייבער. אין דיא צייט פון אחשורוש. פרעגט דיא גמרא טאמער איז איוב געוועזן אין דיא צייט פון דוד. ביי דוד שטייט דאך אויך דיא קנעכט זיינע האבען צוא איהם גיזאגט מען זאל זוכען פאר דעם קעניג אשיינע מיידיל. ענטפערט דיא גמרא ביי דוד האט מען נאר גיזוכט אשיינע מיידיל פון יודין. אונ דיא טעכטער פון איוב זענען געוועזן דיא שענסטע פון דיא גאנצע וועלט. רבי נתן זאגט איוב איז געוועזן אין דיא צייט פון מלכת שבא. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אמחנה פון שבא זענען גיקומען אונ האבען צוא גינומען דיא בהמות פון איוב. דיא חכמים זאגין איוב איז געוועזן אין דיא צייט פון כשדים. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דיא כשדים האבען זיך צוא טיילט אין דריי טייל אונ האבען צוא גינומען דיא בהמות פון איוב. אנדערע זאגין איוב איז געוועזן אין דיא צייט פון יעקב. אונ דינה דיא טאכטער פון יעקב איז געוועזן זיין ווייב. וואָרום דא שטייט איוב האט געזאגט צוא זיין ווייב כדבר אחת הנבלות תדברי. דוא רעדסט אזוי וויא איינע שלעכטע ווייב רעדט. אונ ביי דינה שטייט אויך כי נבלה עשה בישראל. אשלעכטע זאך איז גיטאהן געווארין ביי יודין. דינה האט גיטאהן אשלעכטע זאך. (זיא האט מזנה געוועזן) איז דאך דינה געוועזן דיא שלעכטע ווייב פון איוב. אונ דיא אלע תנאים האלטען אז איוב איז געוועזן איוד. אויסער דיא וואס זאגין אז איוב איז געוועזן אין דיא צייט פון יעקב. דיא האלטען אז

והא אמר מר. בפ"ק דברכות: [ונפלינו. ונבדלנו בלכתך עמנו מכל האומות]:
ונחזה בך לשון זמה הוא זה להתהלל בנ"יש שהעכו"ם אומרים לישראל שובי לתורתנו ונחזה עמנו:
שופט את שופטיו. שהיו השופטים עצמם מקולקלין והיה פתחון פה לנשפט להוכיח את מוכיחו שאם אומר לו השופט טול קיסם מבין שיניך שה"לק ופרוש מעבירה קטנה פלונית שבידך יכול [זה] לומר לו טול קורה מבין עיניך פרוש מעבירה חמורה שבידך: סבאך. יינך כמו אל תהי בסובאי יין: מהול. מעורב וכן כל לשון מילות בגמרא לשון ערבוב: קום התהלך. היינו דקאמר ומהתהלך בה

היה בתר דשכיב משה מי שרתה שכינה ע' עכו"ם והא אמר מר בקש משה שלא תשרה שכינה על עכו"ם וניתן לו שנאמר (שמות לג) ונפלינו אני ועמך:
לה א"ר יוחנן דורו של איוב שטוף בזמה היה שנא' (איוב כז) הן אתם כלכם חזיתם ולמה זה הבל תהבלו וכתיב (ש"ה ז) שובי שובי ונחזה בך. אימא בנבואה דכתיב (ישעיה א) חזון ישעיהו בן אמוץ א"כ למה זה הבל תהבלו ל"ל. וא"ר יוחנן מ"ד (רות א) ויהי בימי שפוט השופטים דור ששופט את שופטיו א"ל טול קיסם מבין שיניך א"ל טול קורה מבין עיניך א"ל (ישעיה א) כספך היה לסיגים א"ל (שם) סבאך מהול במים. א"ר שמואל בר נחמני א"ר יונתן כל האומר מלכת שבא אשה היתה אינו אלא טועה מאי מלכת שבא מלכותא דשבא. (איוב א) ויהי היום ויבאו בני האלהים להתיצב על ה' ויבא גם השטן גו' ויאמר ה' אל השטן מאין תבא וגו' משוט בארץ ומהתהלך בה אמר לפניו רבונו של עולם שטתי בכל העולם כולו ולא מצאתי

איוב איז געווען אגוי). ווארום אז איוב וואלט געוועזן אגוי דער נאך ווי משה רבינו איז געשטארבן האט דאך שוין ניט גירוהט די שכינה אויף די גוים. ווארום דער תנא האט געזאגט משה האט געבעטין די שכינה זאל ניט רוהען אויף די גוים און גאט האט געזאגט ער וועט אזוי טאהן. אזו וויא עס שטייט אין פסוק משה רבינו האט געזאגט מיר זאלין זיין אפ געשיידט איך און דיין פאלק:

לה אמר. רבי יוחנן זאגט דער דור פון איוב פלעגין די מאנען און ווייבער נאך יאגין זנות צוא מזנה זיין. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק איוב האט געזאגט הן אתם כולכם חזיתם. איר אלע האט געזעהן: ולמה זה הבל תהבלו. צוא וואס זאלט איר טאהן נארעשקייט. און שלמה המלך האט געזאגט די גוים זאגין צוא די יודין שובי שובי ונחזה בך. קער דיך צו אונז וועלין מיר זעהן און קוקען אויף ווייבער און מיר וועלין מזנה זיין מיט דיר צו זאמען. אזו דעם זעהן פון איוב מיינט מען אויך זייא האבען געזעהן און געקוקט אויף ווייבער צום מזנה זיין מיט זייא. פרעגט די גמרא טאמער מיינט מען כלכם חזיתם. איר האט אלע געזעהן נביאות. אזו וויא עס שטייט אין פסוק חזון ישעיהו בן אמוץ. די זעהונג פון דעם נביא ישעיהו. ענטפערט די גמרא אז איוב וואלט גימיינט נבואה. פאר וואס האט ער געזאגט איר רעט נארעשקייט. נאך האט רבי יוחנן געזאגט עס שטייט אין פסוק ויהי בימי שפוט השופטים. די מענטשין האבען געמשפט דעם שופט. דער שופט האט גיטאהן נאך גרעסערע עבירות וויא זייא האבען גיטאהן. אז דער שופט האט געזאגט צוא איינעם נעם ארויס דעם שפענדל פון צווישען דיינע ציין. דאס מיינט מען דוא זאלסט דיך אפ שיידין פון דיינע קליינע עבירות וואס דוא טוהסט. האט דער מענטש געזאגט צום שופט נעם אראפ דעם בעלעק פון צווישען דיינע אויגען: שיידט דו דיך אפ פון דיינע גרויסע עבירות וואס דוא טוהסט. אז איינער האט געזאגט צוא זיין חבר דיינע זילבער געלט איז געמישט מיט בליא. האט דער חבר צוא אים געזאגט דיינע ווין וואס דוא פאר קויפסט איז געמישט מיט וואסער. רבי שמואל בר נחמני האט געזאגט פון רבי יונתן וועגין דער וואס זאגט מלכת שבא איז געווען אאשה. איז אטעות. מלכת שבא מיינט מען די קעניגרייך פון שבא. עס שטייט אין פסוק עס איז געווען אטאג וועגען גיקומען די מלאכים צוא שטיין נעבין גאט: איז גיקומען דער שטן אויך. האט גאט גזאגט צום שטן פון וואנען קומסטו: האט דער שטן געזאגט איך קום משוט בארץ ומהתהלך בה. דער שטן האט געזאגט פאר גאט רבונו של עולם איך האב גישוועבט אין די גאנצע וועלט און איך האב ניט געפונען אבגלויבטין מענטש אזוי וויא דיין

מצאתי נאמן כאברהם עבדך שאמרת לו (בראשית יג) קום התהלך בארץ לארכה ולרחבה כי לך אתננה ובשעה שבקש לקבור את שרה לא מצא מקום קבורה עד שקנה בד' מאות שקל כסף ולא הרהר אחר מדותיך. (איוב א) ויאמר ה' אל השטן השמת לבך אל עבדי איוב כי אין כמוהו (בכל הארץ) [בארץ] איש תם וישר וגו' מאי וסר מרע אמר (רבה) [ר' [אבא] בר שמואל איוב ותרן בממונו היה מנהגו של עולם אדם נותן חצי פרוטה לחנוני ואיוב ויתרה משלו:

מלותו שאמרת לו התהלך בארץ אמי בא: ה"ג מנהג העולם אדם נותן חצי פרוטה לחנוני. מי שיש לו מלאכה מועטת לעשות אומר לפועל חצי פרוטה אני נותן לך ונלך אצל חנוני וקנה בפרוטה ככר או בצלים ונחלוק ואיוב ויתרה לחצי השני משלו ונותן לו כל הפרוטה שהיה רע בעיניו לדקדק בדבר קל שאינו ממון:

לן א"ר יוחנן גדול הנאמר באיוב יותר ממה שנאמר באברהם דאילו באברהם כתיב (בראשית כב) כי עתה ידעתי כי ירא אלהים אתה ואילו באיוב כתיב (איוב א) איש תם וישר ירא אלהים וסר מרע (שם) ויען השטן את ה' ויאמר החנם ירא איוב אלהים הלא אתה שכת בעדו ובעד ביתו ובעד כל אשר לו מסביב מעשה ידיו ברכת ומקנהו פרץ בארץ מאי מעשה ידיו ברכת א"ר שמואל בר רב יצחק כל הנוטל פרוטה מאיוב מתברך. מאי ומקנהו פרץ בארץ א"ר יוסי בר חנינא מקנה של איוב (פרץ) [פרצו] גדרו של עולם מנהגו של עולם זאבים הורגים את העזים ומקנה של איוב העזים הורגים את הזאבים

קענעכט אברהם. דוא האסט גזאגט צוא אים קום התהלך בארץ. שטיי אויף אונ גייא אין דער לאנד אין דער לייננ אונ אין דער ברייט ווארום צו דיר וועל איך געבין דיא לאנד. אונ ווען ער האט געוואלט בגראבען שרה האט ער ניט געפונען קיין ארט וואו איר צוא בגראבען ביז ער האט גיקייפט פאר פיר הונדערט טאלער. אונ ער האט גאר ניט גיטראכט וואו איז וואס גאט האט מיר צו גזאגט אז דיא לאנד איז מיינע ואיז דר טייטש משוט בארץ ומהתהלך בה. איך האב גישוועבט אויף דער וועלט. אונ איך האב גיזעהן דעם מענטש וואס דוא האסט גזאגט צוא אים התהלך בה. גייא אין דער לאנד דאס איז אברהם. האט גאט גזאגט צום שטן האסטו גיטאהן דיין הארץ צוא מיין קנעכט איוב. עס איז ניטא וויא ער אין דיא גאנצע וועלט. ער האט מורא פאר גאט אונ קערט אפ פון שלעכץ. וואס מיינט מען ער קערט אפ פון שלעכץ. רבי אבא בר שמואל זאגט איוב איז נישט קארג גיוועזן אין געלט. דער מנהג פון דער וועלט איז אז איינער דארף געבין זיין ארבעטער אהאלבע פרוטה. אונ אמטבע פון אהאלבע פרוטה איז ניטא. גייט דער בעל הבית מיט דעם ארבעטער אין אקראם. אונ זייא קייפען פר אפרוטה פירות אונ זיי צו טיילן דיא פירות. יעדער נעמט פירות פר אהאלבע פרוטה. אונ איוב פלעגט ניט אזוי טאהן. נאר ער פלעגט אוועק געבין דעם ארבעטער די גאנצע פרוטה:

לן אמר. רבי יוחנן זאגט וואס עס שטייט בייא איוב איז גרעסער וויא דאס וואס עס שטייט בייא אברהם. ווארום ביי אברהם שטייט איצט וייס איך אז דוא האסט מורא פר גאט. אונ בייא איוב שטייט ער איז גיוועזן אמענטש וואס איז גיגאנגען מיט גאנצקייט אונ גלייבקייט אונ האט מורא פאר גאט אונ קערט אפ פון שלעכץ: האט דער שטן גיענפערט פאר גאט אונ האט גזאגט אומיסט האט איוב מורא פאר גאט דוא האסט דאך פאר שטעלט פאר אים אונ פר זיין שטוב אונ פאר אלץ וואס צוא אים גיהער. עס זאל צוא זיי קיין שלעכץ צו קומען. אלץ וואס ער טוהט מיט זיינע הענט האסטו גיבענשט. אונ זיינע בהמות האבען אויס גיבראכען אין דעם לאנד: וואס מיינט מען וואס ער טוהט מיט זיינע הענט האסטו גיבענשט. האט רב שמואל בר רב יצחק גזאגט דער וואס האט גענומען אפרוטה פון איוב אונ האט מיט איר גיהאנדילט איז ער גיבענשט גיווארין: וואס מיינט מען זיינע בהמות האבען אויס גיבראכען אין דעם לאנד. רבי יוסי בר חנינא זאגט. דיא בהמות פון איוב האבען אויס גיבראכען דעם צאם (דעם פירונג) פון דער וועלט. דער פירונג פון דער וועלט איז. וועלף הרגנן דיא קאזעס. אונ ביי דיא בהמות פון

הזאבים (שם) ואולם שלח נא ידך וגו' ויאמר ה' אל השטן הנה כל אשר לו בידך רק אליו אל תשלח ידך וגו' ויהי היום ובניו ובנותיו אוכלים ושותים יין בבית אחיהם הבכור ומלאך בא אל איוב ויאמר הבקר היו חורשות והאתונות רועות על ידיהם מאי הבקר היו חורשות והאתונות רועות על ידיהם א"ר יוחנן מלמד שהטעימו דקב"ה לאיוב (דף טז) מעין העה"ב:

(שם ב) **לז ויאמר** ה' אל השטן השמת לבך אל עבדי איוב וגו' ותסיתני בו לבלעו חנם א"ר יוחנן אלמלא מקרא כתוב אי אפשר לאומרו כביכול כאדם שמסיתין אותו וניסת. תנא יורד ומסית עולה ומשטין נוטל רשות ונוטל נשמה (שם ב) ויען השטן את ה' ויאמר עור בעד עור וגו' ויאמר ה' אל השטן וגו' אך את נפשו שמור אמר רבי יצחק קשה צערו של שטן יותר משל איוב משל לאדם שאומר לעבדו

האתונות רועות כו' ע"י הבקר דרים ליה לקרא שהוכל"ת הזין מתלם המענה שהזרע לומת בשעתו: מעין העוה"ב. כדכתיב הכם ויולדת יהדו הריון ולידה ביום אחד:

ה"ג במתניתא תנא יורד ומתעה עולה ומ"גיז ניטל רשות ונוטל נשמה וה"פ יורד למטה ומתעה את הבריות לחטוא ועולה למעלה ומרגיז את המת במלך בהשטמתו נוטל הימנו רשות להרוג את החוטא מכיון שנתנה רשות דכתיב ותסיתני בו: צערו של שטן. שהוזקק לשמור את נפש איוב שלא

אִיּוֹב הָאבֶּען דִיא קָאזֶעס גִיהַרְגֶת דִיא וֶועלְף. הָאט דֶער שָׂטָן נָאךְ גְזָאגְט פַאר גָאט. שִׁיק נָאר דַיין הַאנְט אוֹיף אִיּוֹב אוּנ שְׁלָאג אִים נָאר. וֶועסְטוּ זֶעהְן אַז עֶר וֶועט דִיךְ לֶעסְטֶערִין. הָאט גָאט וִויא'ִיט צוּם שָׂטָן אַרְץ וָואס צוּא אִיּוֹב גִיהֶער זַיין גַאנְץ פַאר מֶעגִין אִיז אִין דַיין הַאנְט. נָאר צוּ אִיּוֹב אַלֵיין זָאלְסְטוּ נִיט שִׁיקְען דַיין הַאנְט. אִים אַלֵיין זָאלְסְטוּ גָאר נִיט טְאהְן. עֶס אִיז אַמָאהל גִיוֶועןְ אַטָאג אוּנ דִיא זִיהְן אוּנ טֶעכְטֶער פוּן אִיּוֹב הָאבֶּען גִיגֶעסִין אוּנ גֶעטְרוּנְקֶען וַויין בַּייא דֶעם עֶלְצְטִין בְּרוּדֶער אִין שְׁטוּבּ. אִיז אַשָׁלִיחַ גִיקוּמֶען צוּא אִיּוֹב אוּנ הָאט גִיזָאגְט דִיא אָקְסִין הָאבֶּען גִיהַאקֶערְט אוּנ דִיא אֵייזֶעלְען הָאבֶּען זִיךְ גֶעפִּיטֶערְט נֶעבִּין זֵייא. וָואס מֵיינְט מֶען דִיא אָקְסִין הָאבֶּען גִיהַאקֶערְט אוּנ דִיא אֵייזֶעלְען הָאבֶּען זִיךְ גֶעפִּיטֶערְט נֶעבִּין זֵייא. רַבִּי יוֹחָנָן זָאגְט דֶער פָּסוּק לֶערוּנְט אוּנְז אַז גָאט הָאט גִיגֶעבִּין צוּא אִיּוֹב עֶר זָאל פַאר זוּכֶען דֶעם טַעַם פוּן עוֹלָם הַבָּא. אַזוֹי וִויא דִיא אָקְסִין הָאבֶּען גִיהַאקֶערְט הָאט שׁוֹין גִיוַואקְסֶען. אוּנ דִיא אֵייזֶעלְען זֶענֶען גִישְׁטַאנֶען נֶעבִּין דִיא אָקְסִין אוּנ הָאבֶּען שׁוֹין גִיגֶעסִין דִיא אִיצְט גִיוַואקְסֶענֶע תְּבוּאָה:

לז וַיֹּאמֶר. גָאט הָאט גְזָאגְט צוּם שָׂטָן הָאסְטוּ גִיטְאהְן דַיין הַארְץ צוּ מַיין קְנֶעכְט אִיּוֹב. דוּא הָאסְט מִיךְ אָן גִירֶעט אִיךְ זָאל אִים פַאר דַארְבִּין אוּמְזִיסְט. רַבִּי יוֹחָנָן זָאגְט וֶוען דֶער פָּסוּק וָואלְט נִיט גִישְׁטַאנֶען. וָואלְט מֶען דָאס אַלֵיין נִיט גִיקֶענְט זָאגִין. וָוארוּם מֶען זָאגְט אוֹיף גָאט אַזוֹי וִויא אוֹיף אַמֶענְטְשׁ וָואס מֶען רֶעט אִים אָן עֶר זָאל צוּא אֵיינֶעם שְׁלֶעכְט זַיין. אוּנ עֶר וֶוערְט אִיבֶּער גִירֶעט. אוּנ טוּהְט דִיא שְׁלֶעכְטְס צוּא יֶענֶעם. דֶער נָאךְ זֶעהְט עֶר אַז מֶען הָאט אִים גִינַארְט. אוּנ עֶר הָאט נִיט גִידַארְפְט טְאהְן דִיא שְׁלֶעכְטְס וָואס עֶר הָאט גִיטָאהְן. מִיר הָאבֶּען גִילֶערוּנְט דֶער שָׂטָן קוּמְט אַרָאפּ אוּנ רֶעדְט אָן דִיא מֶענְטְשִׁין זֵייא זָאלִין זִינְדִיגֶען. דֶער נָאךְ גֵייט עֶר אַרוֹיף אוֹיף דֶעם הִימֶעל אוּנ רֶעדְט אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ פַר גָאט עֶר הָט גִיטָאן עֲבֵירוֹת. דֶער נָאךְ גֶעמְט עֶר רְשׁוּת פוּן גָאט צוּא הַרְגִנְן דֶעם מֶענְטְשׁ. אוּנ עֶר גֵייט אַרָאפּ אוּנ נֶעמְט צוּא דִיא נְשָׁמָה פוּן דֶעם מֶענְטְשׁ. הָאט דֶער שָׂטָן גִיעֶנְטְפֶערְט אוּנ הָאט גְזָאגְט פַאר גָאט אֵיין הוֹיט גִיט דֶער מֶענְטְשׁ פַאר דִיא אַנְדֶערֶע הוֹיט לְמָשָׁל אַז מֶען וִויל שְׁלָאגִין אַמֶענְטְשִׁין אוֹיף דֶעם פְּנִים. וֶועט עֶר פַאר שְׁטֶעלִין מִיט דִי הַאנְט. אוּנ עֶר וִויל בֶּעסֶער מֶען זָאל אִים שְׁלָאגִין אוֹיף דִיא הַאנְט נָאר נִיט אוֹיף דֶעם פְּנִים. וֶועט עֶר דָאךְ זַיין פַאר מֶעגִין גֶעוִויס אַוֶועק גֶעבִּין נָאר מֶען זָאל אִים נִיט שְׁלָאגִין. הָאט גָאט גְזָאגְט צוּם שָׂטָן אִיּוֹב אִיז אִין דַיין הַאנְט. דוּ מֶעגְסְט אִים שְׁלָאגִין. נָאר זַיין נְשָׁמָה הִיט. עֶר זָאל נִיט שְׁטַארְבִּין. רַבִּי יִצְחָק זָאגְט דֶער צַעַר פוּן שָׂטָן וָואס עֶר הָאט גִימוּזְט הִיטֶען דָאס לֶעבִּין פוּן אִיּוֹב. עֶר זָאל נִיט שְׁטַארְבִּין פוּן יְסוּרִים: אִיז גִיוֶוען גְרֶעסֶער וִויא דֶער צַעַר פוּן אִיּוֹב וָואס עֶר הָאט גִיהַאט פוּן זַיינֶע יְסוּרִים. לְמָשָׁל אָמֶענְטְשׁ

לעבדו שבור את החבית ושמור את יינה. א"ר שמעון בן לקיש הוא שטן הוא יצר הרע הוא מלאך המות. הוא שטן דכתיב ויצא השטן ; הוא יצר הרע דכתיב (איוב א) רק אליו אל תשלח ידך וכתיב התם (בראשית ו) רק רע כל היום . הוא מלאך המות דכתיב אך את נפשו שמור אלמא ביה קיימא מלתא :

הגה : אלמא בדידיה קיימא . ליטול את הנפש והזהירו שלא ליטלה :
בעבור הרעימה. שתתרעם על שהיא עקרה ותתפלל :
להפוך קערה על פיה . כלומר לעקור כל כבוד שמיקף וגידף :

לח א"ר לוי שטן ופנינה לש"ש נתכוונו שטן דחזייה להקב"ה דקא נטה בתר איוב אמר דלמא ח"ו מנשיא ליה לרחמנותיה דאברהם . פנינה דכתיב (ש"א א) וכעסתה צרתה גם כעס בעבור הרעימה דרשה רב אחא בר יעקב בפפוניא ואתא שטן ונשקיה אכרעיה . (איוב ב) בכל זאת לא חטא איוב בשפתיו לא חטא אבל בלבו חטא [מאי קאמר] (שם) ארץ נתנה ביד רשע [וגו'] אמר רבא בקש איוב להפוך קערה על פיה א"ל אביי לא דבר איוב אלא כנגד שטן כתנאי ארץ נתנה ביד רשע רבי אלעזר אומר בקש איוב להפוך קערה על פיה א"ל ר' יהושע לא דבר איוב אלא כנגד שטן :

על

האָט גזאָגט צוא זיין קנעכט צוא ברעך די פאס אונ היט די ווין זיא זאָל ניט אויס גיגאָסען ווערין . רבי שמעון בן לקיש זאָגט ער איז דער שטן אונ ער איז דער יצר הרע אונ ער איז דר מלאך המות . ער איז דער שטן אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דער שטן איז ארויס גינאַנגען . ער איז דער יצר הרע אזוי וויא עס שטייט אין פסוק גאָט האָט גזאָגט צום שטן רק אליו אל תשלח ידך . נאָר צוא אים זאָלסטו ניט שיקען דיין האַנט . אונ ביי דעם יצר הרע שטייט אויך רק רע כל היום . דער יצר הרע איז נאָר שלעכט אַגאַנצין טאָג . ווייל ביי דעם שטן שטייט דער וואָרט רק . אונ ביי דעם יצר הרע שטייט דער וואָרט רק . זעהן מיר אַז דער שטן אונ דער יצר הרע איז איינער . אונ דאָס איז דער מלאך המות אזוי וויא עס שטייט אין פסוק גאָט האָט גזאָגט צום שטן נאָר דיין נשמה זאָלסטו היטען . אַז מען האָט אים גיהייסען ער זאָל זיא היטען . זעהן מיר אַז דיא נשמה פון מענטשין איז אין זיין האַנט . ער קען זיא צו נעמען אַז ער וויל . איז ער דאָך דער מלאך המות :

לח אמר . רבי לוי האָט גזאָגט דער שטן אונ פנינה האָבען גימיינט פון גאָטס וועגין . דער שטן האָט גיזעהן אַז גאָט האַלט אזוי שטאַרק פאַר איוב . האָט ער גיטראַכט טאָמער וועט גאָט פאַר געסין דיא ליבשאַפט פון אברהם אבינו . בייא פנינה מיט חנה שטייט אין פסוק פנינה פלעגט דער צערענען צו חנה וואָס זיא האָט ניט קיין קינדער . אונ חנה פלעגט אין כעס ווערין . אונ פנינה האָט דאָס גיטאָהן פון גאָטס וועגין . זיא האָט גיוואָלט חנה זאָל שטורעמען אונ שטאַרק בעטין פאַר גאָט זיא זאָל אויך האָבען קינדער . רב אחא בר יעקב האָט דאָס גידרשעט אין דיא שטאָט פפוניא . איז גיקומען דער שטן אונ האָט אים אַקוש גיטאָהן אויף די פוס . אין פסוק שטייט מיט דעם אַלעם האָט איוב ניט גזינדיגט מיט זיינע לעפצין . רבא זאָגט מיט דיא לעפצין האָט ער ניט גזינדיגט . אָבער אין האַרצען האָט ער גזינדיגט . וואָס האָט איוב גיטראַכט אין האַרצען . ארץ נתנה ביד רשע . דיא וועלט איז גיגעבין גיוואָרין צום רשע אין האַנט . רבא זאָגט איוב האָט גיוואָלט אומקערין דיא שיסל מיט דעם מויל אַראָפּ . ער האָט גיוואָלט אומקערין דיא וועלט . ער האָט גזאָגט אַז גאָט גיט גאָר ניט אַכטונג אויף דער וועלט . נאָר דיא וועלט פירט זיך אַליין . דריבער טרעפט גוטס דעם רשע אונ שלעכטס דעם צדיק . אביי זאָגט איוב האָט נאָר גירעט געגין שטן . ער האָט גזאָגט דער שטן איז אַרשע ווייל ער האָט אָן גירעט מען זאָל אים פרובין מיט יסורים . זאָגט דיא גמרא תנאים קריגען אין דער זאַך . אין פסוק שטייט איוב האָט גזאָגט דיא ערד איז גיגעבין גיוואָרין צום רשע אין האַנט . רבי אלעזר זאָגט איוב האָט גיוואָלט אומקערין דיא שיסל מיט דעם מויל אַראָפּ . ער האָט גיוואָלט אומקערין דיא וועלט . ער האָט גזאָגט אַז גאָט גיט גאָר ניט אַכטונג אויף דיא וועלט . נאָר די

(איוב י) לז על דעתך כי לא ארשע ואין מידך מציל אמר רבא בקש איוב לפטור את כל העולם כולו מן הדין אמר רבש"ע בראת שור פרסותיו סדוקות. בראת חמור פרסותיו קלוטות. בראת ג"ע בראת גיהנם בראת צדיקים בראת רשעים מי מעכב על ידך: ומאי אהדרו ליה חבריה דאיוב (שם טו) האף אתה תפר יראה ותגרע שיחה לפני אל. ברא הקב"ה יצר הרע ברא לו תורה תבלין. דרש רבא (שם כט) ברכת אובד עלי תבא ולב אלמנה ארנין. ברכת אובד עלי תבא [מלמד] שהיה גוזל שדה יתומים ומשביחה ומחזירה להם. ולב אלמנה ארנין כל היכא דהות אלמנה דלא נסבי לה הוה שדי שמיה עלה ואתו ונסבי לה (שם ו) לו שקול ישקל כעסי וגו' אמר (רבא) [רב] עפרא לפומיה דאיוב חברותא כלפי שמיא (שם ט) לא יש בינינו מוכיח ישת ידו על

לפטור את כל העולם מדינו של הקב"ה לומר שאנוסים הם ע"י הקב"ה שברא (להם) יצה"ר וה"ק על דעתך כי לא ארשע אם היית הפץ לא הייתי רשע: בראת שור בפרסות סדוקות וחמור בפרסות קלוטות. את זה טהרת ואת זה טמאת הכל בא על ידך אתה בראת בו את סימני הטומאה: בראת צדיקים. ע"י יצה"ט: בראת רשעים. ע"י יצה"ר לפיכך אין ניצול מידך כי מי יעכב אנוסים הם החוטאים: ברא לו תורה. הן תבלין שהיא מבטלת את הרהורי [עבירה] כדאמרינן בעלמא אם פגע בך מנוול זה משכהו לבהמ"ד א: אבן הוא נמוח וכו' הלכך לאו אנוסים נינהו שהרי יכולין הם להציל את עצמן: ברכת אובד. שהיה סבור שאיבד את שדהו: שדי שמיה עלה. אומר שהיא קרובתו או מדבר בה לנושאה: חברותא כלפי שמיא. מדבר לפני שכינה כאדם המתוכח עם חבירו בא ונשקל מי חייב למי:

וועלט פירט זיך אליין. דריבער טרעפט גוטס דעם רשע און שלעכטס דעם צדיק. און רבי יהושע זאגט איוב האט נאר גירעט געגין שטן. ער האט גזאגט דער שטן איז ארשע. ווייל ער האט אן גירעט גאט מען זאל אים פרובין מיט יסורים:

לט על. איוב האט גזאגט צוא גאט אז דוא וואלסט וועלין וואלט איך ניט געזינדיגט און פון דיין האנט קען קיינער ניט פרייא ווערין. רבא זאגט איוב האט גיוואלט פריי מאכען די גאנצע וועלט פון גאטס משפט. ער האט גזאגט פאר גאט רבונו של עולם דוא האסט בעשאפען אאייזיל מיט קיילעכדיגע קלאהען און האסט גיזאגט ער איז טמא. דוא האסט אאקס מיט צוא שפאלטענע קלאהען. און האסט גזאגט ער איז טהור. דוא האסט בעשאפען גיקענט מאכען פאר קערט אויך דעם אייזיל מיט צוא שפאלטענע קלאהען און זאגין ער איז טהור. און דעם אקס האסטו גיקענט בעשאפען מיט קיילעכדיגע קלאהען און זאגין ער איז טמא: דוא האסט בשאפען אגן עדן. און האסט בשאפען אגיהנם. דוא האסט בעשאפען צדיקים דורך דעם יצר טוב. און האסט בעשאפען רשעים. דורך דעם יצר הרע. ווער קען דען דיר זאגין דוא זאלסט ניט אזוי טאהן. דוא וואלסט ניט בשאפען דעם יצר הרע מיט אזוי פיל פערגעניגונגם. וואלט דער מענטש ניט זינדיגען. האסטו דאך אים גיבריינגט צו די עבירות. פאר וואס זאלסטו אים שטראפין. וואס האבען דיא חברים פון איוב גיענפערט צוא איוב. דוא שטערסט דיא מורא פאר גאט. און דוא מינערסט דיא תפלה פאר גאט. דוא זאגסט אז דער מענטש איז גירעכט געגין גאט. אמת גאט האט בעשאפען דעם יצר הרע. גאט האט אבער בעשאפען דיא תורה וואס זיא איז וויא בשמים ואזוי וויא בשמים נעמט אוועק דעם שלעכטין גישמאק פון עסין. און עס גיט אריין אגוטען טעם. אזוי דיא תורה נעמט אוועק דיא שלעכטס פון יצר הרע. און זיא פאר בעסערט אים. ווארום דורך דעם יצר הרע וואס ער רעט אן דעם מענטשין צוא טאהן אעבירה. און דער מענטש טוהט ניט דיא עבירה. פאר דעם נעמט דער מענטש שכר. רבא האט גידרשת עס שטייט אין פסוק איוב האט גזאגט דיא ברכות פון דעם פארלארענעם זאל אויף מיר קומען און דיא הארץ פון דיא אלמנה האב איך גימאכט זינגען. דיא ברכות פון דעם פארלארענעם זאל אויף מיר קומען. דער פסוק דער ציילט אונז אז איוב פלעגט גזלנן פעלדער פון יתומים און פלעגט זייא פאר בעסערין און ער פלעגט זייא צוריק אוועק געבין. ווען איוב פלעגט אוועק נעמען דיא פעלד פון יתום. האט דער יתום גימיינט ער האט שוין דיא פעלד פאר לארין. דער נאך ווען איוב האט אים צוריק גיגעבין דיא פעלד אפאר בעסערטע. האט ער גיבענשט צוא איוב. און דיא הארץ פון דיא אלמנה האב איך גימאכט

שנינו אמר (רבא) [רב] עפרא לפומיה דאיוב מן הסערה לשון שער כדקתני הכהנ נימין בראשי כלום יש עבד שמוכיח את רבו (שם לא) ברית כרתי לעיני ומה אתבונן על בתולה אמר רבא [עפרא לפומיה דאיוב] דלא דידיה לא מסתכל אבל אברהם אפילו בדידיה לא מסתכל דכתיב (בראשית יב) הנה נא ידעתי כי אשה יפת מראה את מכלל דמעיקרא לא הוה ידע. (איוב ז) כלה ענן וילך כן יורד שאול לא יעלה אמר רבא מלמד שכפר איוב בתחית המתים:

(איוב ט) **מאשר** בשערה ישופני והרבה פצעי חנם אמר רבא איוב בסערה חירף ובסערה השיבהו בסערה חירף דכתיב אשר בסערה ישופני אמר לפניו רבש"ע שמא רוח סערה עברה לפניך ונתחלף לך בין איוב לאויב בסערה השיבהו דכתיב (שם לח) ויען ה' את איוב מן הסערה וגו' ויאמר אזר נא כגבר חלציך אשאלך וגו' א"ל הרבה נימין בראתי (בראשו של אדם) [באדם] וכל אחד ואחד בראתי לו גומא בפני עצמו שלא יהו שתים יונקות בגומא א' שאלמלא ב' יונקים בגומא אחת מחשבות מאור

זינגען. וואו עס איז געוועזן אאלמנה וואס קיינער האט ניט געוואלט מיט איר חתונה האבען: האט איוב גירופען זיין נאמען אויף איר. ער האט גזאגט זיא איז זיינע אקרובה. האט מען שוין מיט איר חתונה גיהאט. איוב האט גזאגט ווען עס וואלט געוואוגן געווארין מיין כעס מיט כיינע צרות וואלטן מיינע צרות מער גוואוגין. רב זאגט ערד הט מען גבארפט אריין שיטן אין די מול פון איוב ער זאל דאס ניט זאגין. ער שמועסט מיט גאט אזוי וויא מען שמועסט מיט אחבר. איוב האט גזאגט עס איז נישטא צווי שען אונז (צווישען מיר מיט גאט) ווער אונז זאל שטראפין. עס איז נישטא ווער עס זאל טאהן זיין האנט אויף אונז בי ידע. רב זאגט ערד הט מען גידארפט אריין שיטען אין דיא מויל פון איוב ער זאל דאס ניט זאגין. איז דען דא אקנעכט וואס זאל שטראפין זיין בעל הבית. איוב האט גיזאגט איך האב גימאכט אפאר בינדונג מיט מיינע אויגען איך זאל ניט קוקען אויף אמיידיל. רבא זאגט ערד האט מען גידארפט אריין שיטען אין דיא מויל פון איוב ער זאל דאס ניט זאגין. אויף אפרעמדע מיידיל האט ער ניט גיקוקט אבער אויף דיינע מיידלאך האט ער יא געקוקט. אונ אברהם אבינו האט אפילו אויף זיין ווייב אויך ניט געקוקט. וואר. ם עס שטייט אין פסוק אברהם האט גזאגט צוא זיין ווייב איצט ווייס איך אז דוא ביסט אשיינע ווייב. אבער ביז איצט האט ער ניט געוואוסט. איוב האט גזאגט אזוי וויא דער וואלקין ווערט פאר לענדט אונ גייט אוועק. אונ קומט ניט מער צוריק. אזוי דער וואס נידערט אין גרוב. אין קבר. וועט ער שוין ניט אויף גיין צוריק. רבא זאגט דער פסוק דער ציילט אונז אז איוב האט געלייקונט אין תחית המתים:

מ אשר. איוב האט גזאגט מיט אשטורעם האט מיך גאט צוא קלאפט. אונ ער הט גימערט מיינע וואונדען אומזיסט. רבא זאגט איוב האט גילעסטערט גאט מיט שטורעם. אונ מיט שטורעם האט אים גאט גיענפערט. מיט'שטורעם האט איוב גירעסטערט גאט. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק איוב האט גזאגט מיט אשטורעם האט מיך גאט צוא קלאפט. איוב הט גזאגט פאר גאט רבונו של עולם טאמער איז אשטורעם ווינט פאר דיר פאר ביי גיגאנגען אונ עס איז דיר פאר טאהשט גיווארין פון ווארט איוב אויף דעם ווארט אויב, איוב איז מיין נאמען אונ אויב איז אפיינד. דריבער מיינסטו אז איך בין דיין פיינד. האט אים גאט גיענפערט מיט שטורעם. ווארום עס שטייט אין פסוק גאט האט גיענפערט צוא איוב פון שטורעם. אונ ער האט גזאגט צוא איוב. שטארק נאר וויא אהעלד דיינע לענדין. אונ איך וועל דיך פרעגין. האט גאט גזאגט צוא איוב פיל האר האב איך בשאפען אויף דעם מענטשין. אויף זיין קאפ אונ אויף זיין גאנצען לייב. אונ צו יעדער האר האב איך בשאפען אבזונדער גריבול. צווי האר זאלין ניט וואקסען פון איין גריבול. ווארום ווען צווי האר וואלטין וואקסען פון איין גריבול. וואלטן זייא פ נסטער

כאור עיניו של אדם בין גומא לגומא לא נתחלף לי בין איוב לאויב נתחלף לי (שם לח) מי פלג לשטף תעלה הרבה טיפין בראתי בעבים וכל טפה וטפה בראתי לה דפוס בפני עצמה שלא יהו שתים בדפוס אחד שאלמלא שתים ברפוס אחד מטשטשות את הארץ ואינה עושה פירות בין טפה לטפה לא נתחלף לי בין איוב לאויב נתחלף לי ומאי משמע דהאי תעלה לישנא דדפוס הוא אמר רבה בר (עולא) [שילא] דכתיב (מ"א יח) ויעש תעלה כבית סאתים זרע. (איוב לח) ודרך לחזיז קולות הרבה קולות בראתי בעבים וכל קול וקול בראתי לו שביל בפני עצמו כדי שלא יהו שני קולות יוצאים משביל אחד שאם יהו ב' יוצאים משביל אחד מחריבין את העולם בין קול לקול לא נתחלף לי בין איוב לאויב נתחלף לי, (שם לט) הידעת עת לדת יעלי סלע הולל אילות תשמור יעלה זו אכזרית על בניה ובשעה שכורעת (ע"ג) ללדת עולה לראש ההר כדי שתפול כמנה ותמות ואני מזמין לה נשר ומקבלו בכנפיה ומניחו לפניה ואינו מקדים ואינו מאחר אפילו רגע אחד שאם מאחר אפילו רגע אחד מיד מתה בין רגע לרגע לא נתחלף לי בין איוב לאויב נתחלף לי. (שם) חולל אילות תשמור אילה זו רחמה צר ובשעה שכורעת לילד אני מזמין לה דרקון ומכישה בבית הרחם ומתרפה ויולדת ואינו מקדים רגע ואינו מאחר רגע

גלהס: מטשטשות את הארץ. עושים את הארץ כטיט: דרקון. נחש: מכישה. נושכה

גימאכט די ליכטיגקייט פון דעם מענטשינס אויגן. פון איין גריבול ביז די אנדערע גריבול איז מיר נישט פר טאהשט געווארין. זאל מיר פר טאהשט ווערין פון איוב אויף אויב. גאט האט גזאגט מי פלג לשטף תעלה, ווער האט גיטיילט צום פאר פלייצונג אגריבול: פיל טראפנס וואסער האב איך בעשאפין אין וואלקינס. אונ צוא יעדער טראפין האב איך בעשאפין אבזונדער לעכיל. צווייא טראפינס זאלין ניט ארויס גיין פון איין לעכיל. וואריום ווען צווייא טראפינס וואלטי וויס גיין פון איין לעכיל. וואלטין זייא גימאכט דיא ערד וויא ליים אונ עס וואלט ניט גיוואקסין פון די ערד פון איין טראפין צום אנדערין טראפין איז מיר ניט פאר טאהשט געווארין. זאל מיר פאר טאהשט ווערין פון איוב אויף אויב. זאגט דיא גמרא פון וואנען ווייסין מיר אז תעלה איז דער טייטש אגריבול. האט רבה בר שילא גזאגט שטייט אין פסוק ויעש תעלה כבית סאתים זרע ער האט גימאכט אגראבין וויא מען קען פאר זייען צווייא סאה. גאט האט גיזאגט ודרך לחזיז קולות. פיל דונערין האב איך בעשאפין אין דיא וואלקינס. אונ צוא יעדער דונער האב איך בעשאפין אבזונדער וועג. צווייא דונערין זאלין ניט ארויס גיין פון איין וועג. וואריום ווען צווייא דונערין וואלטין ארויס גיין פון איין וועג. וואלטין זייא חרוב גימאכט דיא וועלט. פון איין דונער צו דעם אנדערין דונער איז מיר נישט פאר טאהשט גיווארין. זאל מיר פאר טאהשט ווערין פון איב אויף אויב. גאט האט גיזאגט צוא איוב ווייסטו דיא צייט ווען דיא יעלי סלע (דיא שטיינבאקין) גיבארין זייערע קינדער. ווייסטו צו היטען דיא צייט ווען די אילות (דיא אינדען) גיבארין זייערע קינדער. דיא שטיינבאק (אזוי אחיה) האט פיינט אירע קינדער. אונ ווען זיא דארף גיבארין דאס קינד גייט זיא ארויף אויף אהויכין בארג. דאס קינד זאל אראפ פאלין אונ גיהרגת ווערין. אונ וויא דאס קינד הייבט אן צוא פאלין איז שוין אנגיברייט אאדלער וואס ער נעמט דאס קינד אויף זיין פליגעל אונ ער לייגט אנידער דאס קינד נעבין איר מוטער אונ דער אדלער קומט ניט פריער אונ ניט שפעטער אפילו מיט איין רגע אויך ניט. ווארום אז ער וואלט גיקומען מיט איין רגע שפעטער וואלט שוין דאס קינד גילעגין אויף דיא ערד טויט. פון איין רגע ביז דיא אנדערע רגע איז מיר קיין מאהל ניט פאר טאהשט גווארין. זאל מיר פאר טאהשט ווערין פון איוב אויף אויב. ווייסטו צוא היטען דיא צייט ווען דיא אילות (דיא אינדען) גיבארין זייערע קינדער. דיא אילה האט אאיינגען מוטער לייב. אונ ווען זיא קומט צוא גיבארין דאס קינד. קען גיט דאס קינד ארויס גיין פון איהר. נאר איך בהייט אן פון אירעטוועגין אשלאנג אונ ער קומט צו איר אונ גיט איר אביס

מאחר רגע שאם מקדים רגע או מאחר רגע אחד מיד פתה בין רגע לרגע לא נתחלף לי בין איוב לאויב נהחלף לי (שם לד) איוב לא בדעת ידבר ודבריו לא בהשכל אמר רבא מכאן שאין אדם נתפס על צערו: (שם ב) **מא וישמעו** שלשת רעי איוב וגו׳ מאי ויועדו יחדו אמר רב יהודה אמר רב מלמד שנכנסו כלם בשער אחד ותנא בין כל אחד ואחד ג׳ מאות פרסה מנא הוו ידעי א״ר כלילי הוו להו וא״ר אילני הוו להו כיון דכמשי הוו ידעי, אמר רבא היינו דאמרי אינשי או חברי כחברי דאיוב או מיתותא (בראשית ו) ויהי כי החל האדם לרוב על פני האדמה רבי יוחנן אמר רביה באה לעולם רשב״ל אמר מריבה באה לעולם אמר ליה רבי שמעון בן לקיש לדידך דאמרת רביה באה לעולם מפני מה לא נכפלו בנותיו של איוב א״ל אע״פ

ומתרפס נשון רס״י: שאין אדם נתפס. לא־יתחייב על שהוא מדבר קשה מתמת לער יס וכין דקאמר לא בדעת ידבר ולא אמר ברשע ידבר אלא לא בדעת ידבר וכו׳: כלילי הוו להו. כתרי ס וככל כתר ג׳ פרלופין ואיש את שמו מ וקק על הפרלוף וכשבאין יסורין על א׳ מהם פרלופו משתנה וכן אילני: דכמשא. אלד״א: או חברה כחברי דאיוב. אם אין לו לאדם אוהבים נוח לו מימות: לרוב על פני האדמה: ובנות יולדו להם: רביים באה לעולם. כשנולד בת

אויף איר מוטער לייב. ווערט דער ארט לויז ווערט גיבארין דאס קינד: אונ ער קומט ניט מיט ארגע פריער אונ ניט מיט ארגע שפעטער. ווארום אז ער וואלט קומען מיט ארגע פריער אדער מיט ארגע שפעטער. וואלט די איילה באלד געפיינערט. פון איין רגע ביז דיא אנדערע רגע איז מיר ניט פאר טאהשט גיווארין. זאל מיר פאר טאהשט ווערין פון איוב אויף אויב: איוב רעט ניט מיט וויסענשאפט. זיינע רייד זענען ניט מיט שכל. רבא זאגט פון דאגען זעהן מיר אז איינער רעט געגין גאט שלעכטע רייד פון צער אונ יסורין. ווערט ער נישט גישטראפט אויף דיא רייד. ווארום גאט האט ניט גיזאגט אויף איוב ער רעט מיט רשעות. נאר ער האט גיזאגט ער רעט מיט נארעשקייט:

מא וישמעו: דיא דריי גוטע פריינד פון איוב האבין גיהערט פון די א יסורים וואס אויף איוב איז גיקומען. האבין זייא זיך פער זאמלט צו זאמען. רב יהודה האט גיזאגט פון רבס וועגין דער פסוק דער ציילט אונז אז אלע דרייא גוטע פריינד זענען אריין גיגאנגען אין שטאט דורך איין טויער. אונ מיר האבין גילערנט פון איין גוטען פריינד ביז צום אנדערין איז גיוועזען ווייט דריי הונדערט מייל. פון וואנען האבין זייא אלע גיוואוסט וואס מיט איוב איז גיווארין: אנדערע זאגין זייא האבין גיהאט קרוינען. אויף יעדער קרוין זענען גיוועזען דרייא פנים. פון זיינע דרייא גוטע פריינד. אונ וועלכין גוטען פריינד עס האט גיטראפין אאומגליק. איז זיין פנים וואס אויף דיא קרוין גיענדערט גיווארין. אנדערע זאגין זייא האבין גיהאט בוימער. יעדער גוטער פריינד האט גיפלאנצט דריי בוימער. אונ אויף יעדער בוים איז גיוועזען גע שריבען אנאמען. אונ וועלכער בוים זיינע בלעטער זענען געל גיווארין. האט מען גיוואוסט אז דעם מענטש האט גיטראפין אאומגליק. רבא זאגט דאס איז וואס מענטשין זאגין אדער מען זאל האבין אזעלכע חברים וויא איוב האט גיהאט. אונ אויב ניט איז בעסער אז מען שטארבט. אין פסוק שטייט אז דער מענטש האט אנגיהויבין לרוב על פני האדמה. אונ צו זייא איז גיבארין גיווארין טעכטער. וויא איז דער טייטש דער ווארט לרוב. רבי יוחנן זאגט רוב איז דער טייטש מערין. וויא עס האבין אן גיהויבין טעכטער גיבארין צוא ווערין. איז גיווארין אמערונג אויף דער וועלט ווארום איין זכר קען דאך מעוברת מאכין פיל נקבותו. רבי שמעון בן לקיש זאגט רוב איז דער טייטש קריג. וויא עס זענען גיבארין גיווארין נקבות אויף דער וועלט איז גיווארין קריג אויף דער וועלט. האט רבי שמעון בן לקיש גיזאגט צוא רבי יוחנן נאך דיר וואס דוא זאגסט אז נקבות ווערין גיבארין קומט אמערונג אויף דער וועלט. פאר וואס ווען גאט האט גיבענשט איוב פאר וואס האט גאט ניט גיטאפילט זיינע טעכטער. האט רבי יוחנן גיזאגט אפילו זיי זענען ניט גיטאפילט גיווארין אין דיא נעמען ווער האט גיהאט פריער דריי טעכטער אונ ער האט ניט גיהאט דער נאך זעקס טעכטער. אבער זייא זענען

לפי שממהרת להיות לה זרע : הוכפלו ביפין . ולאין לך כפול טוב ממנו : שדומה ליום . ברה כחמה : קציעה . מין בושם הוא : קרנא דקרש . מין חיה וקרניה מבהירין כמין צבע : כורכמא דריסקא . כרכום הגדל בגינה · במיניה . שהוא מעולה מכל כרכומין :

אע"פ שלא הוכפלו בשמות הוכפלו ביפין דכתיב (איוב מב) ויהי לו שבעה בנים וג' בנות ויקרא שם האחת ימימה ושם השנית קציעה ושם השלישית קרן הפוך . ימימה שדומה ליום . קציעה שריחה נודף כקציעה . קרן הפוך אמרי דבי רבי שילא שדומה לק נא דקרש . מחכו עלה במערבא קרנא דקרש לקות הוא אלא א"ר חסדא ככורכמא דרישקא במיניה כדכתיב (ירמיה ד) כי תקרעי בפוך עיניך רבי שמעון ברבי איתילידא ליה ברתא הוה קא הלשא דעתיה א"ל אבוה רבייה נולדה לך א"ר בר קפרא תנחומין של הבל נחמך אבוך דתניא אי אפשר לעולם בלא זכרים ובלא נקבות אוי לו למי שבניו נקבות אשרי למי שבניו זכרים אי אפשר לעולם בלא בושם ובלא בורסקי אוי למי שאומנותו בורסקי אשרי למי שאומנותו בושם :

מב נכתנאי] (בראשית כד) וה' ברך את אברהם בכל מאי בכל ר"מ אומר שלא היתה לו בת רבי יהודה אומר שהיתה לו בת . אחרים אומרים בת היתה לאברהם ובכל שמה (לקמן בפרק מי שמת הביאו מאמר זה ואמרו איכר דשמעת ליה לרבי יהודה דאפילו ברתא לא הסריה רחמנא לאברהם דעדיפא מברא מי שמעת ליה) . רבי אלעזר המודעי אומר אצטגנינות (גדולה) היתה (לו לאברהם) [בלבו של אברהם] שכל מלכי מזרח ומערב משכימין לפתחו רשב"י אומר מרגלית טובה היתה לאברהם תלויה בצוארו

גימאפילט גיווארין מיט זייער שיינקייט . ווארום עס שטייט אין פסוק ער האט גיהאט זיבען זיהן אונ דרייא טעכטער . איינע האט ער גירופין ימימה . דיא אנדערע האט ער גירופין קציעה . דיא דריטע האט ער גירופין קרן הפוך ; ימימה האט מען איר גירופין ווייל זייא איז גיוועזן שיין וויא דער טאג . אזוי וויא דיא זוהן . קציעה האט מען איר גירופין . ווייל פון איר האט גישמעקט אזוי וויא פון דיא בשמים וואס הייסט קציעה . קרן הפוך פאר וואס האט מען איר גירופין . האבין דבי רבי שילא גיזאגט ווייל זיא האט אויס גיזעהן אזוי וויא דיא הערנער פון דיא חיה וואס הייסט קרש . אין ארץ ישראל האט מען גילאכט אויף דעם וואס רבי שילא האט גיזאגט . דיא הערנער פון דיא חיה וואס הייסט קרש זענען דאך שווארץ . האט רב חסדא גיזאגט דיא דריטע האט אויס גיזעהן אזוי וויא זאפרען וואס וואקסט אין אגארטין . אונ וויא דיא בעסטע זאפרען וויא עס שטייט אין פסוק כי תקרעי בפוך עיניך . אז דוא וועסט פארבין מיט פוך דיינע אוגין . זעהן מיר אז פוך איז דער טייטש פארב ; דיא ווייב פון רבי שמעון ברבי האט גיבארין צוא איהם א טאכטער . האט רבי שמעון צער גיהאט . האט דער פאטער גיזאגט צוא רבי שמעון אמערונג איז גיבארין גיווארין צוא דיר . פון א נקבה ווערט גימערט דיא וועלט . האט בר קפרא גיזאגט צוא רבי שמעון מיט א נארישע טרייסטונג האט דיך דיין פאטער גיטרייסט . ווארום מיר האבין גילערנט דיא וועלט קען ניט זיין אן זכרים אונ אן נקבות . פון דעסטוועגין ווייא צוא דעם וואס זיינע קינדער זענען נקבות . וואוהל צוא דעם וואס זיינע קינדער זענען זכרים . דיא וועלט קען ניט זיין אן א בשמים הענדלער אונ אן א גארבער . פון דעסטוועגין ווייא צוא דעם וואס זיין ארבעט איז א גארבארניע . וואוהל צוא דעם וואס זיין האנדיל איז מיט בשמים :

מב כתנאי . תנאים קריגען אין דער זאך . עס שטייט אין פסוק גאט האט גיבענשט אברהם בכל . מיט אלץ . וואס מיינט מען מיט אלץ . רבי מאיר זאגט די ברכה איז גיוועזן וואס ער האט ניט גיהאט קיין טאכטער . רבי יהודה זאגט די ברכה איז גיוועזן וואס ער האט יא גיהאט א טאכטער אנדערע זאגין אברהם האט גיהאט א טאכטער אונ זי האט גיהייסין בכל . רבי אלעזר המודעי זאגט אברהם איז גיוועזן א גרויסער שטערין זעהר . אלע קעניגע פון מזרח זייט אונ פון מערב זייט זענען גיקומען בייא איהם פרעגין וואס ער ווע. ט פון זייערטוועגין אויף דיא שטערין . רבי שמעון בן יוחאי

בצוארו שכל חולה שראה אותה מיד נתרפא ובשעה שנפטר מן העולם נטלה הקב"ה ותלאה בגלגל חמה (והיינו) [אמר אביי היינו] דאמרי אינשי אידלי יומא אידלי קצירא. ד"א שלא מרד עשו בימיו ד"א שעשה ישמעאל תשובה בימיו שלא מרד עשו בימיו דכתיב (בראשית כה) ויבא עשו מן השדה והוא עיף וגו' ותנא אותו היום נפטר אברהם אבינו מן העולם ועשה יעקב אבינו תבשיל של עדשים לנחם את יצחק אבינו ומ"ש של עדשים (אמר רבה בר מרי) אמרי (לה) במערבא משמיה דרבה בר מרי מה עדשה זו מגולגלת אף אבלות מגולגלת ומחזר על באי עולם א"ר מה עדשה זו אין לה פה אף אבל אין לו פה מאי בינייהו איכא בינייהו לנחומי בביעי.

מג נא"ר יוחנן חמש עבירות עבר אותו רשע באותו היום בא על נערה מאורסה כתיב הכא ויבוא עשו מן השדה וכתיב התם (דברים כב) כי בשדה מצאה. הרג את הנפש כתיב הכא עיף וכתיב התם (ירמיה ד) אוי נא לי כי עיפה נפשי להורגים, כפר בעקר

אלמגניטס. הוזה בכוכבים: מסכימין לפתחו. ליטול פלה ימנו: אידלי יומא. כוגבה השמש כשחמה זורחת: אידלי קצירא. מיקל החולי: עדשים. אין להם פה. כמו שיש לפולין ולשאר מיני קטניות כמין סדק: אבל אין לו פה. כיוצב ודומם: לנחומי בביעי. אין להם פה אבל איק

זאגט אגוטער פעריל האט ג האנגען בייא אברהם אבינו ע"ה אויף זיין האלדז. דער קראנקער וואס האט גיזעהן דעם פעריל איז ער באלד גיזונד גיווארין. אונ ווען אברהם איז אוועק גיגאנגען פון דער וועלט. ער איז גישטארבין האט גאט גינומען דעם פעריל אונ האט איהם אויף גיהאנגען אין הימעל אויף דעם ראד וואס ער פירט דיא זוהן. אביי זאגט דאס איז וואס מענטשין זאגין אז דיא זוהן האט זיך אויף גיהויבין צוא שיינען אויף דער וועלט האט זיך אויף גיהויבן דער קראנקער איז די קראנקייט זיינע גרינגער גיווארין. אנדערע זאגין דיא ברכה איז גיוועזין וואס עשו איז ניט גיווארין ארשע אזוי לאנג וויא אברהם האט גילעבט. אנדערע זאגין דיא ברכה איז גיוועזין וואס ישמעאל האט גיטאהן תשובה ווען אברהם האט נאך גילעבט. פון וואנען ווייסין מיר אז אזוי לאנג וויא אברהם האט גילעבט איז עשו נאך ניט גיוועזין ארשע. ווארום עס שטייט אין פסוק עשו איז גיקומען פון פעלד אונ ער איז גיוועזין מיד. אונ מיר האבען גילערנט דעם טאג איז אברהם אבינו גישטארבן. האט יעקב גימאכט אגיקעכץ פון לינזען צוא געבין עסין יצחק אבינו. פאר וואס האט ער גיקאכט לינזען. אין ארץ ישראל זאגט מען פון רבה בר מרים וועגין אזוי וויא דער לינז איז קיילעכדיג אזוי אבלות איז אויך קיילעכדיג אונ דאס גייט ארום אויף דער גאנצער וועלט צוא אלע מענטשין. אנדערע זאגין דריבער עסט אאבל לינזען אזוי וויא דיא לינזען האט ניט קיין מויל. עס איז ניטא אין איר קיין שפאלט. אזוי אאבל האט אויך ניט קיין מויל. ווארום דער אבל דארף זיצען אונ שווייגין. וואס איז דער אונטער שייד צווישען דיא ביידע טעמים. ענטפערט דיא גמרא דער אונטער שייד איז אויב מען זאל דעם אבל געבין עסין אייער. נאך דעם טעם ווס אאבל הט ניט קיין מויל. אאיי האט אויך ניט קיין מויל. אונ נאך דעם טעם וואס אבלות איז אקיילעכדיגע זאך. אאיי איז דאך ניט קיילעכדיג ווערן מיר דעם ערשטין טאג וואס עשו איז גיווארין ארשע. איז אברהם גישטארבען:

מג אמר. רבי יוחנן האט גיזאגט פינף עבירות האט עשו גיטאהן דעם טאג. ער האט מזנה גיוועזין מיט הנערה המאורסה (מיט אבתולה וואס אחתן האט איר מקדש גיוועזין). ווארום דא שטייט ויבא עשו מן השדה. עשו איז גיקומען פון פעלד אונ ביי נערה המאורסה שטייט כי בשדה מצאה. ער האט איר גיפונען אין פעלד. זאגין מיר אז עשו איז גיקומען פון פעלד וואס ער האט דארט מזנה געוועזין מיט דיא נערה המאורסה. אונ עשו האט גיהרגעט אמענטשין. ווארום דא שטייט ער איז גיוועזין מיד. אונ דארט שטייט וויא צו מיר מיין נפש איז מיד צו הרגען. איז עשו אויך גיקומען מיד פון דעם הרגען. אונ עשו האט גילייקנט אין ג-ט. ווארום דא שטייט למה זה לי. צו וואס טו ג מיר דער זה. אונ דארט שטייט זה אלי ואנוהו. דאס איז מיין גאט אונ איך וועל אים

עגולגלים כגלגל : [ושט את הבכורה . וביזה את העבודה שהיתה בבכורות . שם תרגום של בזיון וכו'] :

בעיקר כתיב הבא למה זה לי וכתיב התם (שמות טו) זה אלי ואנוהו . וכפר בתחית המתים דכתיב הנה אנכי הולך למות . ושט את הבכורה דכתיב ויבז עשו את הבכורה] ושעשה ישמעאל תשובה בימיו מנ"ל כי הא דרבינא ורב חמא בר ביזנא הוו יתבי קמיה דרבא וקא מנמנם רבא א"ל רבינא לרב חמא בר ביזנא ודאי דאמריתו משמיה דרבי יוחנן כל מיתה שנאמר בה גויעה אינו אלא מיתה של צדיקים א"ל אין והא דור המבול דכתיב בהו גויעה א"ל גויעה ואסיפה קאמרינן והא ישמעאל דכתיב ביה גויעה ואסיפה אדהכי איתער בהו רבא אמר להו דרדקי הכי אמר רבי יוחנן ישמעאל תשובה עשה בחיי אביו מנ"ל דכתיב (בראשית כה) ויקברו אותו יצחק וישמעאל בניו (מכדי ישמעאל קשיש מיצחק מ"ש דקחשיב ליה ברישא אלא ש"מ תשובה עבד ואדבריה ליצחק מקמיה) ודלמא דרך חכמתן קחשיב אלא מעתה (שם לה) ויקברו אותו עשו ויעקב בניו הכי נמי אלא ש"מ מדאקדמ ה אדבורי אדבריה מקמיה ומדאדבריה ש"מ

בשינען . האט עשו גזאגט צוא וואס טויג מיר גאט וואס מען האט אויף אים גזאגט זה אלי . אונ ער האט געלייקענט אין תחית המתים ווארום עס שטייט אין פסוק עשו הט גזאגט הנה אנכי הולך למות . איך גיי צום שטארבען . צו וואס טויג מיר דיא בכורה . אונ ער האט ניט גיגלויבט . אז נאך דעם טויט לעבט דער מענטש אויף יענע וועלט . אונ עס וועט קומען אצייט וואס די טויטע וועלין אויף שטיין פון דיא קברים אונ וועלין לעבעדיג ווערין . אונ ווערין געמען שכר פאר זייערע מצות . אונ ער וואלט געמען שכר פאר דיא עבודה וואס ער וואלט געדינט גאט מיט זיין בכורה ; אונ ער האט פאר שעמט דיא בכורה . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ויבז עשו את הבכורה . עשו האט פאר שעמט דיא בכורה . פון וואנען ווייסען מיר אז ישמעאל האט גיטאהן תשובה ווען אברהם האט גילעבט . ווארום רבינא אונ רב חמא בר ביזנא זענען גיזעסן פאר רבא . אונ רבא האט געדרימלט . האט רבינא גזאגט צו רב חמא בר ביזנא איז אמת אז איר האט גיזאגט פון רבי יוחנן וועגין ביי יעדער מיתה וואס עס שטייט גויעה ויגוע וימת . ער איז פאר גאנגען אונ גישטארבען . שטייט ער פון אצדיק . האט רב חמא גזאגט עס איז אמת . מיר האבען אזוי גזאגט . האט רבינא גיפרעגט בייא דיא מענטשן וואס זענען דער טרונקען גיווארין אין מבול . זייא זענען דאך גיוועז רשעים . אונ ביי זייא שטייט גויעה . האט רב חמא גזאגט מיר מיינען וואו עס שטייט גויעה אונ אסיפה . ויגוע ויאסף . דאס שטייט נאר בייא צדיקים . האט רבינא גיפרעגט ביי ישמעאל שטייט דאך אויך ויגוע ויאסף . אונ ישמעאל איז דאך גיוועז ארשע . דער ווייל האט רבא אויף געוואכט פון שלאף : האט רבא גיזאגט צו זייא קינדער אזוי האט רבי יוחנן גזאגט ישמעאל האט גיטאהן תשובה ווען זיין פאטער אברהם האט נאך גילעבט . פון וואנען ווייסען מיר דאס . ווארום עס שטייט אין פסוק יצחק אונ ישמעאל דיא קינדער פון אברהם האבען אים בגראבען . איז דאך אקשיא ישמעאל איז דאך גיוועזן עלטער פון יצחק . פאר וואס שטייט יצחק דער נאך ישמעאל . נאר ישמעאל האט גיטאהן תשובה . דריבער הט ער גילאזט גיין יצחק פאר אים . פרעגט דיא גמרא טאמער האט טאקי ישמעאל ניט גיטאהן תשובה : אונ ישמעאל איז גיגאנגען פאר אוים פאר יצחק . נאר דיא תורה שטעלט יצחק פאר ישמעאל . ווייל יצחק איז גיוועזן אצדיק אונ ישמעאל איז גיוועזן ארשע . ענפערט דיא גמרא אז עס שטייט ביי יצחק עשו אונ יעקב זיינע קינדער האבען אים בגראבען . פאר וואס האט דא דיא תורה ניט גישטעלט יעקב פאר עשו . נאר די תורה שטעלט אזוי וויא עס איז גיוועזן . ביי דער לויה פון יצחק איז גיגאנגען עשו פאר אוים אונ אינטער אים איז גיגאנגען יעקב . אונ אז ביי דער לויה פון אברהם שטייט פריער יצחק דער נאך ישמעאל . איז טאקי אזוי גיוועזן . פר ער איז גיגאנגען יצחק דער נאך ישמעאל . אונ ווייל ישמעאל הט גילאזט יצחק זאל גיין פאר

ש"מ תשובה עבד :

(דף יז) **מד** ת"ר שלשה הטעימן הקב"ה בעה"ז מעין עוה"ב ואלו הם אברהם יצחק ויעקב . אברהם דכתיב ביה (בראשית כד) בכל . יצחק דכתיב ביה (שם כז) מכל . יעקב דכתיב ביה (שם לג) כל . ג' לא שלט בהם יצה"ר ואלו הם אברהם יצחק ויעקב דכתיב בהו בכל מכל כל . וי"א אף דוד דכתיב (תהלים קט) ולבי חלל בקרבי ות"ק ההוא צעריה דקא מדכר . ת"ר ששה לא שלט בהם מלאך המות אלו הם אברהם יצחק יעקב משה אהרן ומרים . אברהם יצחק ויעקב דכתיב בהו בכל מכל כל . משה אהרן ומרים דכתיב בהו (במדבר לג) על פי ה' והא אמר רבי אלעזר אף מרים בנשיקה מתה דאתיא שם שם ממשה אלא מפני מה לא נאמר בה על פי ה' שגנאי הדבר לומר . תנו רבנן שבעה לא שלטה בהן רמה ותולעה

בכל מכל כל . באברהם כתיב וה' ברך את אברהם בכל ביצחק כתיב ואוכל מכל ביעקב יש לי כל כלומר לא חסרו שום טובה: ולבי חלל בקרבי. יצר הרע מת בקרבי : צעריה קא מדכר . על לבו ממש הוא מתרעם ואמר שמת בקרבו מרוב צרות: שלא שלט בהם מה"מ. א לא בנשיקה מתו ע"פ השכינה: בכל מ כל כל . שלא חסרו שום כבוד ומניעו כבוד זה למשה ולאהרן שנאמר בהם על פי ה' ואלו מתו

אִים · אִיז גֶעוִוים אַז יִשְׁמָעֵאל הָט גִיטָאהן תְּשׁוּבָה :

מד תָּנוּ רַבָּנָן · דִיא רַבָּנָן הָאבֶּען גִילֶערוּנְט דְרַיי מֶענְטְשִׁין הָט גָאט זַייא גִיגֶעבִּין צוּ פַאר זוּכֶען אוֹיף דֶער וֶועלְט דֶעם טַעַם פוּן עוֹלָם הַבָּא . דָס זֶענֶען דִי דְרַיי מֶענְטְשִׁין · אַבְרָהָם יִצְחָק יַעֲקֹב · בַּיי אַבְרָהָם שְׁטֵייט בַּכֹּל . גָאט הָאט אִים גִיבֶּענְשְׁט מִיט אַלְץ · מִיט אַלֶע פֶערְגֶענִיגוּנְגֶען מִיט דֶעם פֶערְגֶענִיגֶען פוּן עוֹלָם הַבָּא אוֹיךְ · בַּיי יִצְחָק שְׁטֵייט מִכֹּל · אִיךְ הָאבּ גִיגֶעסִין פוּן אַלְץ · אַלֶע טַעֲמִים הָאבּ אִיךְ גִיהַאט אִין דֶעם עֶסִין ; אֲפִילוּ דֶעם טַעַם פוּן גַּן עֵדֶן אוֹיךְ · בַּייא יַעֲקֹב שְׁטֵייט כֹּל · אִיךְ הָאבּ אַלְץ · אֲפִילוּ דִיא גוּטְס פוּן גַּן עֵדֶן אוֹיךְ · אוֹיף דְרַיי מֶענְטְשִׁין הָאט נִיט גִיוֶועלְטִיגְט דֶער יֵצֶר הָרָע · דָאס זֶענֶען זַייא ; אַבְרָהָם יִצְחָק יַעֲקֹב · וָוארוּם בַּיי אַבְרָהָם שְׁטֵייט בַּכֹּל · בַּיי יִצְחָק שְׁטֵייט מִכֹּל ; בַּיי יַעֲקֹב שְׁטֵייט כֹּל · זַייא זֶענֶען גִיבֶּענְשְׁט גִיוָוארִין מִיט אַלְץ · אוּנ אַז דֶער יֵצֶר הָרָע וָואלְט אוֹיף זַייא גִיוֶועלְטִיגְט אוּנ וָואלְט זַייא אָן גִירֶעט צוּא עֲבֵירוֹת · וָואלְטִין זַייא שׁוֹין נִיט גִיהַאט קֵיין רוּה · וָואלְט שׁוֹין נִיט גִיוֶוען קֵיין בְּרָכָה · אַנְדֶערֶע זָאגִין אוֹיף דָוִד הַמֶּלֶךְ הָאט אוֹיךְ נִיט גִיוֶועלְטִיגְט דֶער יֵצֶר הָרָע · וָוארוּם דָוִד הַמֶּלֶךְ הָאט גִיזָאגְט מַיין הַארְץ אִיז גִישְׁטָארְבִּין אִין מִיר · דֶער יֵצֶר הָרָע רֶעט מִיךְ שׁוֹין נִיט אָן צוּ קֵיין עֲבֵירָה · אוּנ פַאר וָואס רֶעכוּנְט נִיט דֶער עֶרְשְׁטֶער תַּנָּא דָוִד הַמֶּלֶךְ ; וָוארוּם עֶר הַאלְט דָוִד הַמֶּלֶךְ הָאט אוֹיךְ גִיהַאט אַ יֵצֶר הָרָע · אוּנ וָואס עֶר הָאט גִיזָאגְט מַיין הַארְץ אִיז גִישְׁטָארְבֶּען אִין מִיר · דָאס הָאט עֶר דֶער צֵיילְט זַיינֶע צָרוֹת · פוּן פִיל צָרוֹת וָואס עֶר הָאט גִיהַאט אִיז דִיא הַארְץ זַיינֶע אַזוֹי וִויא גִישְׁטָארְבֶּען · דִיא רַבָּנָן הָאבֶּען גִילֶערוּנְט אוֹיף זֶעקְס מֶענְטְשִׁין הָאט נִיט גִיוֶועלְטִיגְט דֶער מַלְאַךְ הַמָּוֶת · זַייא זֶענֶען גִישְׁטָארְבֶּען דוּרְךְ גָאט · נִיט דוּרְךְ דֶעם מַלְאַךְ הַמָּוֶת · דָס זֶענֶען זַייא · אַבְרָהָם יִצְחָק יַעֲקֹב מֹשֶׁה אַהֲרֹן מִרְיָם · אַבְרָהָם יִצְחָק יַעֲקֹב וַוייל בַּיי זַייא שְׁטֵייט בַּכֹּל מִכֹּל כֹּל · זַייא זֶענֶען גִיבֶּענְשְׁט גִיוָוארִין מִיט אַלֶעם גוּטֶען ; אוּנ מִיט דֶער זַאךְ אוֹיךְ זַייא זָאלִין נִיט גִישָׁאכְטֶען וֶוערִין פוּן מַלְאַךְ הַמָּוֶת · מֹשֶׁה אַהֲרֹן מִרְיָם בַּיי זַייא שְׁטֵייט עַל פִּי ה' · זַייא זֶענֶען גִישְׁטָארְבֶּען דוּרְךְ דִי מוֹיל פוּן גָאט · גָאט הָאט זַייא גִיגֶעבִּין אַקוּשׁ אוֹיף זַייעֶר מוֹיל אוּנ הָאט פוּן זַייא אַרוֹיס גִיצוֹיגֶען דִיא נְשָׁמָה (אוּנ אַבְרָהָם יִצְחָק יַעֲקֹב זֶענֶען אוֹיךְ אַזוֹי גִישְׁטָארְבֶּען) · פְרֶעגְט דִיא גְמָרָא בַּיי מִרְיָם שְׁטֵייט דָאךְ נִיט אַז זִיא אִיז גִישְׁטָארְבִּין דוּרְךְ דִיא מוֹיל פוּן גָאט · הָאט רַבִּי אֶלְעָזָר גִיזָאגְט מִרְיָם אִיז אוֹיךְ גִישְׁטָארְבִּין דוּרְךְ דֶעם וָואס גָאט הָאט אִיר אַקוּשׁ גִיטָאהן · אוּנ הָאט אַרוֹיס גִיצוֹיגִין פוּן אִיר דִיא נְשָׁמָה · וָוארוּם מִיר לֶערְנֶען אַגְזֵרָה שָׁוָה שָׁם שָׁם פוּן מֹשֶׁה · בַּיי מֹשֶׁה שְׁטֵייט וַיָּמָת שָׁם מֹשֶׁה · אוּנ בַּיי מִרְיָם שְׁטֵייט וַתָּמָת שָׁם מִרְיָם · אַזוֹי וִויא מֹשֶׁה אִיז גִישְׁטָארְבֶּען דוּרְךְ דֶעם קוּשׁ פוּן גָאט · אִיז מִרְיָם אוֹיךְ גִישְׁטָארְבִּין דוּרְךְ דֶעם קוּשׁ פוּן גָאט · נָאר פַאר וָואס דֶען שְׁטֵייט נִיט בַּיי מִרְיָם עַל פִּי ה' · אַז זִיא אִיז גִישְׁטָארְבֶּען דוּרְךְ דֶעם קוּשׁ פוּן גָאט · וַוייל עֶס אִיז נִיט

ותולעה אלו הם אברהם יצחק ויעקב משה אהרן ומרים ובנימין בן יעקב אברהם יצחק ויעקב משה אהרן ומרים כדאמרן בנימין בן יעקב דכתיב ביה (דברים לג) ולבנימין אמר ידיד ה׳ ישכון לבטח עליו. וי״א אף דוד דכתיב ביה (תהלים ט) אף בשרי ישכון לבטח ות״ק רחמים הוא דקא בעי. ת״ר ד׳ מתו בעטיו של נחש אלו הם בנימין בן יעקב. ועמרם אבי משה. וישי אבי דוד. וכלאב בן דוד. וכולהו גמרא לבר מישי דמפרש ביה קרא דכתיב (ש״ב יז) ועמשא בן איש ושמו יתרא הישראלי אשר בא אל אביגיל בת נחש אחת צרוה אם יואב וכי בת נחש היא והלא בת ישי היא דכתיב (ד״ה א ב) ואחיותיהם צרויה גו׳ אלא בת מי שמת בעטיו של נחש:

על ידי מלאך המות נמלא בחברו כביד: כדאמרינן. שמתו ע״פ השכינה אין רמה ראויה נשלוט כמי שנבוק מפי השכינה שאין הרמה באה אלא מטיפת מרה במטפטפה מסכינו של מלאך המות דאמר מר ממנה מה ממנה מסריח ממנה פניו מוריקות: ישכון לבטח עליו. הכי דריש ליה ישכון בנימין לבטח על כמיכות ידידות השכינה: בעטיו של נחש. בעלתו של נחש כלומר לא היו ראויין למות אלא שנגזרה גזרת מיתה על כל תולדותיו של אדם הראשון בעלת נחש בעטיו הרגוס של בעלתו כדכתיב השיעטו כל וגו׳ וכתיב בתיב עטא ועטס: ואחיותיהם. בבני ישי כתיב: יהושע בן גמלא. אחד מן הכהנים גדולים ששמשו

לא יחפור פרק שני

(דף כא) **א אמר** רב יהודה אמר רב ברם זכור אותו האיש לטוב ויהושע בן גמלא שמו שאלמלא

שיין דיא תורה זאל ארויס זאגין אז גאט האט גיגעבין אקוש צוא מרים. דיא רבנן האבען גילערנט אויף זיבען מענטשין האט ניט גיוועלטיגט קיין ווערעם נאך זייער שטארבין: דס זענין זייא. אברהם יצחק יעקב משה אהרן מרים אונ בנימין בן יעקב. אברהם יצחק יעקב משה אהרן מרים האבען מיר שוין פריער גיזאגט אז זייא זענען גישטארבען דורך דעם קוש פון גאט. אונ דער וואס שטארבט דורך דעם קוש פון גאט קימען נישט אויף אים קיין ווערעם. אונ ביי בנימין בן יעקב שטייט אין פסוק צוא בנימין האט משה רבינו גיזאגט ער איז געליבט פון גאט ער וועט רוהען (אין קבר דיא ווערעם וועלין אים ניט בייסען) ווייל ער איז פאר זיכערט אויף גאט. אנדערע זאגין דוד המלך וועט אויך גיט האבען קיין ווערעם אין קבר: ווארום עם שטייט ביי אים מיין לייב וועט רוהען זיכער אין קבר. אונ דער ערשטער תנא פאר וואס רעכנט ניט דוד המלך. ווארום דוד האט גיבעטין עס זאל אזוי זיין ער זאל נישט האבען קיין ווערעם אין קבר. אונ מען ווייס דאך ניט וואס גאט האט אים גיענטפערט. דיא רבנן האבען גילערנט פיר מענטשין זענען גישטארבען עוואס זייא אליין האבען קיין עבירה ניט גיהאט. נאר דורך די עצה פון דעם שלאנג וואס ער האט אן גירעט חוה זיא זאל עסין פון עץ הדעת. איז גיווארין אגזירה אויף אלע לעבעדיגע זאלען זייא זאלין שטארבען. דאס זענען דיא פיר. בנימין דער זוהן פון יעקב. עמרם דער פאטער פון משה רבינו. ישי דער פאטער פון דוד המלך. כלאב דער זוהן פון דוד המלך. אלע ווייסען מיר אוים וויינינ אז אזוי איז גיוועזן. נאר אויף ישי שטייט אין פסוק אז ער איז גישטארבען דורך דעם עץ הדעת. ווארום אין פסוק שטייט עמשא איז גיוועזן דער זוהן פון אמענטש וואס זיין נאמען איז גיוועזן יתרא הישראלי. וואס זיין ווייב איז גיוועזן אביגיל די טאכטער פון נחש דיא שוועסטער פון צרויה. צרויה איז גיוועזן דיא מוטער פון יואב. איז דען אביגיל גיוועזן דיא טאכטער פון נחש. זיא איז דאך גיוועזן די טאכטער פון ישי. ווארום עס שטייט אין פסוק ביי די קינדער פון ישי זייערע שוועסטער זענען גיוועזן צרויה אונ אביגיל. נאר דער פסוק מיינט אביגיל איז גיוועזן אטאכטער פון דעם מענטש וואס ער איז גישטארבען דורך דיא עצה פון שלאנג מען זאל עסין פון עץ הדעת:

פרק שני

א אמר. רב יהודה האט גיזאגט פון רבם וועגין מען דארף דער מאנען דעם מענטשין

שאלמלא הוא נשתכחה תורה מישראל שבתחלה מי שהיה לו אב מלמדו תורה ומי שלא היה לו אב לא היה למד תורה מאי דריש (דברים יא) ולמדתם אותם את בניכם ולמדתם אתם התקינו שיהיו מושיבין מלמדי תינוקות בירושלים מאי דריש (ישעיה ב) כי מציון תצא תורה ודבר ה' מירושלים ועדיין מי שהיה לו אב היה מעלהו ולומד ומי שלא היה לו אב לא היה עולה ולומד התקינו שיהיו מושיבין מלמדי תינוקות בכל פלך ופלך ומכניסין אותם כבן ט"ז וכבן י"ז וכשרבו כועס עליו בועט בו ויוצא עד שבא יהושע בן גמלא ותיקן שיהיו מושיבין מלמדי תינוקות בכל מדינה ומדינה ובכל עיר ועיר ומכניסים אותם כבן שש וכבן שבע. א"ל רב לרב שמואל בר שילת עד שית לא תקביל מכאן ואילך קביל וספי ליה כתורא. וא"ל רב לרב שמואל בר שילת כי מחית לינוקא לא תמחי ליה אלא בערקתא דמסאנא דקרי קרי דלא קרי ליהוי צוותא לחבריה:

באמר רבא האי מקרי ינוקי דגרים ואיכא אחרינא דגרים טפי מיניה לא מסלקינן ליה דילמא אתי

בבית שני כדאמרינן ביבמות: ולמדתם אתם. כאב עצמו מצווה ללמדו: פלך. הרבה מדינות בפלך אחד והוא לי' אפרכיא: רב שמואל בר שילת מלמד תינוקות היה: ואספי. האכילהו והשקהו תורה בע"כ כשור שמוהגין עול על צוארו: לא תמחי אלא בערקתא דמסאנא. ברצועות מנעל כלומר מכה קלה שלא יוזק: ליהוי צוותא לחבריה. אין זקוק לו ליסרו יותר מדאי ולא לסלקו מלפניך אלא ישב עם אחרים בצוותא וסופו לתת לב:

צו גוטען. דער מענטש איז יהושע בן גמלא. ווארום ווען ניט ער וואלט פאר געסין געווארין דיא תורה פון דיא יודין. ווארום אין אנהייב איז געווען דער קינד וואס האט גיהאט אפאטער. האט דער פאטער מיט איהם גילערונט תורה: אונ דער קינד וואס האט ניט גיהאט אפאטער. האט ער ניט גילערונט תורה. וואס האבין זייא גידרשת. עס שטייט אין פסוק ולמדתם אותם את בניכם: האבין זייא גילייענט אתם: ולמדתם אתם את בניכם. איהר זאלט לערנען מיט אייערע קינדער. יעדער פאטער זאל לערנען מיט זיינע קינדער. האט מען גימאכט אתקנה מען זאל זעצין מלמדים אין ירושלים וואס זאלין לערנען תורה מיט פרעמדע קינדער. וואס האבין זייא גידרשת עס שטייט אין פסוק פון ציון וועט ארויס גיין תורה: דיא רייד פון גאט וועט ארויס גיין פון ירושלים. איז אבער נאך ניט גוט גיוועזן. דער קינד וואס האט גהאט אפאטער האט איהם דער פאטער געבריינגט אין ירושלים אונ ער האט גילערונט תורה ביי דעם מלמד. אונ דער קינד וואס האט ניט גיהאט אפאטער איז ער ניט גיקומען לערנען אין ירושלים. האט מען גימאכט אתקנה מען זאל זעצין מלמדים אין יעדער פלך. און איין פלך איז דא פיל מדינות. אונ אז דער קינד איז אלט גיווארין זעכצין יאהר אדער זיבעצין יאהר האט מען אים געבריינגט צום מלמד אין חדר לערנען תורה. אונ אז דער רבי איז אין כעס גיווארין אויף אים איז ער אנטלאפין פון חדר. ביז יהושע בן גמלא איז גיקומען אונ ער האט גימאכט אתקנה מען זאל זעצען מלמדים אין יעדער מדינה אונ אין יעדער שטאט. אונ אז דער קינד וועט אלט ווערין זעקס אדער זיבען יאהר זאל מען איהם בריינגען אין חדר. רב האט גיזאגט צוא דעם מלמד רב שמואל בר שילת אז מען וועט בריינגען צו דיר אין חדר אקינד פאר זעקס יאהר. זאלסטו איהם ניט צו נעמען. אז דער קינד איז עלטער וויא זעקס יאהר זאלסטו איהם צו נעמען. אונ זאלסט אין אים שטאפין תורה מיט גיוואלד. אזוי ווי מען שפאנט דעם אקס צום האקער אונ ער מוז שלעפין. נאך האט גיזאגט רב צו רב שמואל בר שילת אז דוא וועסט שלאגין אקינד זאלסטו איהם נאר שלאגין מיט דיא בענדער פון דיא שיך ניט מיט אשטארקערע זאך. דער וואס וועט פאלגין אונ לערנען זאל ער לערנען. אונ דער וואס וועט ניט וועלין לערנען זאל ער אויך זיין אין חדר. ער וועט זיין אחבר מיט דיא איבעריגע קינדער. ער וועט זעהן אז אלע קינדער לערנען וועט ער אויך לערנען:

ב אמר. רבא האט גיזאגט אויב אין אשטאט זענען דא צוויא מלמדים. למשל ראובן אונ שמעון. אונ ראובן לערונט מיט זיינע תלמידים. מער וויא שמעון לערונט מיט זיינע

דגריס ולא דייק. שגורס הרבה ולא דייק ללמד תינוקות שלא [ישתבשו: מ"ט עבדת הכי. שלא הרגת את הנקבות: את זכר. עמלק: וארור מונע חרבו מדם. כיפיה דהאי קרא הוא:

אתי לאתרשולי רב דימי מנהרדעא אמר כ"ש דגריס טפי קנאת סופרים תרבה חכמה]. אמר רבא הני תרי מקרי דרדקי חד גריס ולא דייק וחד דייק ולא גריס מותבינן ההוא דגריס ולא דייק מ"ט שבשתא מטילא נפקא ורב דימי מנהרדעא אמר מותבינן ההוא דדייק ולא גריס מ"ט שבשתא כיון דעל על דכתיב (מ"א יא) כי ששת חדשים ישב שם יואב וכל ישראל עד הכרית כל זכר באדום כי אתא לגבי' דדוד א"ל (ע"ב) מ"ט עבדת הכי א"ל דכתיב (דברים כה) תמחה את זכר עמלק א"ל והא אנן זכר קרינן א"ל לדידי זכר אקריון שייליה לרביה א"ל היכי אקריתן א"ל תמחה את זכר עמלק שקל' ספסירא ובעא למקטליה א"ל אמאי א"ל דכתיב (ירמיה מח) ארור עושה מלאכת ה' רמיה א"ל שבקיה להההוא גברא וליקום בארור א"ל הא כתיב (שם) וארור מונע חרבו מדם א"ד קטליה וא"ד לא קטליה:

רב

תלמידים ; זאל מען ניט אפ טאהן שמעון פון מלמדעס . ווארום עס קען זיין דאס וואס ראובן לערונט מער וויא שמעון ; איז נאר ווייל מען זאל איהם געבין די בעסטע תלמידים . אבער אז ער וועט זעהן שמעון איז שוין ניט קיין מלמד . אונ ער איז נאר געבליבען איין מלמד וועלין דאך כייא וויא מוזין צוא איהם קומען די בעסטע תלמידים . וועט ער אויך אנהייבין שוואכער צוא לערנען . רב דימי מנהרדעא זאגט אז מען וועט שמעון אפ זאגין פון מלמדעס וועט נאך ראובן מער אונ בעסער לערנען מיט די קינדער . ווארום די קנאה פון די מלמדים מערט חכמה צוא די תלמידים . אז ראובן וועט זעהן מען האט אפ גיזאגט שמעון פון מלמדעס ווייל ער האט גילערונט ווייניגער פאר איהם . וועט ער איצט נאך מער לערנען . רבא זאגט אויב עס איז דא אין א שטאט צווייא מלמדים . איינער לערונט פיל מיט די תלמידים ; נאר ער גיט ניט אכטונג זייא זאלין ניט זאגין גרייזין . אונ איין מלמד גיט אכטונג די קינדער זאלין ניט זאגין גרייזין . נאר ער לערונט ווייניג מיט די קינדער . זאל מען האלטין דעם מלמד וואס לערונט פיל אונ גיט ניט אכטונג אויף גרייזין . ווארום די גרייזין וועלין אוועק גיין . דער קינד וועט עלטער ווערין וועט ער אליין אכטונג געבין ער זאל ניט זאגין גרייזין . אונ רב דימי פון נהרדעא זאגט מען זאל האלטין דעם מלמד וואס גיט אכטונג אויף גרייזין אונ לערונט ווייניג ווארום דער גרייז וואס גייט אריין אין קינד בלייבט ער שטיין אויף אלע מאהל . ווארום עס שטייט אין פסוק ששת חדשים איז דארט ואין אדום) גיזעסין יואב אונ אלע יודין ביז ער האט פאר שניטען אלע זכרים פון אדום . וויא יואב איז גיקומען פאר דוד המלך . האט דוד גיזאגט צוא יואב פאר וואס האסטו אזוי גיטאהן . פאר וואס האסטו גילאזט לעבין די נקבות . האט יואב גיזאגט צוא דוד ווארום עס שטייט אין פסוק תמחה את זכר עמלק . דוא זאלסט אפ מעקין די זכרים פון עמלק . האט די תורה נאר גיהייסין הרגנין די זכרים . האט דוד גיזאגט צוא יואב מיר לייענען ניט זכר עמלק . נאר מיר לייענען זכר עמלק . עס זאל ניט בלייבין קיין אנדיינקונג פון עמלק . דארף מען דאך די נקבות אויך הרגנן . האט יואב גיזאגט צוא מיר האט מען גילייענט זכר עמלק . האט יואב גיפרעגט ביא זיין רבי וויא האסטו מיר גילייענט . האט דער רבי גיזאגט איך האב דיר גילייענט תמחה את זכר עמלק . האט יואב גינומען א שווערד אונ האט גיוואלט הרגנין זיין רבי . האט דער רבי גיזאגט צוא יואב פאר וואס ווילסטו מיך הרגנן . האט יואב גיזאגט ווייל עס שטייט אין פסוק פאר פלוכט זאל זיין דער וואס טוהט די ארבעט פון גאט פאלש . האט דר רבי גיזאגט צוא יואב לאז מיך לעבין . גינוג פאר מיר די קללה . האט יואב גיזאגט צום רבי עס שטייט דאך אין פסוק פאר פלוכט זאל זיין דער וואס פאר מיידט זיין שווערד פון בלוט . אז איך וועל דיך ניט הרגנן וועט דאך זיין אויף מיר א קללה. אנדערע זאגין יואב האט אים גיהרגת.
אונ אנדערע זאגין יואב האט אים ניט גיהרגת :

(דף כב) **ג רב** דימי מנהרדעא אייתי גרוגרות בספינה א"ל ריש גלותא לרבא פוק חזי אי צורבא מרבנן הוא נקיט ליה שוקא א"ל רבא לרב אדא בר אהבה זיל תהי ליה אקנקניה אזל בעא מיניה פיל שבלע כפיפה מצרית והקיאה דרך בית הרעי מהו לא הוה בידיה א"ל מר ניהו רבא טפח ליה בסנדליה א"ל בין דידי לרבא טובא איכא מיהו על כרחך אנא רבך ורבא רבה דרבך לסוף לא נקט ליה שוקא פסיד גרוגרות דידיה אתא לקמיה דרב יוסף א"ל חזי מר מאי עבד בי א"ל מאן דלא שהייה אוניתיה דמלכא דאדום לא לישהייה לאוניתך דכתיב (עמוס ב) כה אמר ה' על שלשה פשעי מואב ועל ארבעה לא אשיבנו על שרפו עצמות מלך אדום לסיד נח נפשיה דרב אדא בר אהבה רב יוסף אמר אנא ענישתיה דאנא לטיתיה רב דימי אמר אנא ענישתיה דאפסיד גרוגרות דידי אביי אמר אנא ענישתיה דהוי אמר להו לרבנן עד דמגרריתו גרמי בי אביי אתו ואכלו

נקיט ליה שוקא. הכריז שלא ימכור איש בעיר גרוגרות אלא הוא: תהי ליה אקנקניה. הריח לו בקנקני אם יין הוא או חומץ כלומר בדקהו בהלכות אם ת"ח הוא אם לאו. ריח היין כשמריחין אותו אם טוב הוא קרי תהייה: כפיפה מצרית. כלי של נצרים של ערבה: מהו. מי השוב כמו מעוכל והוה ליה ככלי גללים ואינו מקבל טומאה עוד: א"ל רב דימי לרב אדא: מר ניהו רבא. אתה הוא רבא לפי ששמע על רבא שהוא גדול העיר וסבור שהוא זה: טפח ליה בסנדליה. הכהו על סנדלו במקל דרך שחוק כמי שמכה למי שאינו חשוב: דלא שהייה. דלא נמנע מליפרע: לאוניתיה. אונאת בשת: דמלכא דאדום. אע"פ שהוא אדומי: על שרפו. מחמה בזיון: דאמר להו לרבנן עד דמגרריתו גרמא בי אביי. שהיה רגיל לומר לתלמידים

ג רב דימי פון נהרדעא האט געברייננט פייגן געטריקענטע אין אשיף. האט דער ריש גלותא געזאגט צו רבא גייא זעה אויב רב דימי איז אלמדן זאלסטו אויף האלטען דעם מארק. עס זאל קיינער נישט פאר קויפען פייגן אין שטאט. ביז רב דימי וועט האבען פאר קויפט זיינע פייגען. האט רבא געזאגט צו רב אדא בר אהבה גיי שמעק אויף זיין קרוג אויב ער איז ווין אדער עסיג. דאס מיינט מען גיי פרוב רב דימי אויב ער איז אלמדן אדער ניין. איז רב אדא גיגאנגען צו רב דימי אונ האט גיפרעגט ביי אים אז אעלפאנד האט איין גישלונגען אקארב וואס איז גיפלאכטען פון ריטער. אונ דיא קארב איז אין גאנצען ארויס גיגאנגען מיט דיא צואה. וויא איז דער דין. אויב אשרץ רירט אן איצט דיא קארב קען זיא טמא ווערין. אדער ניין. האט רב דימי ניט געוואוסט צו ענפערין. האט רב דימי געזאגט צו רב אדא דו ביסט דאס רבא ווארום רב דימי האט גיהערט אז רבא וואונט אין דיא שטאט. האט ער גימיינט אויף רב אדא אז דאס איז רבאו. האט רב אדא אקלאפ גיטאהן אויף דעם שוך פון רב דימי. אונ האט געזאגט צו אים פון מיר ביז צו רבא איז נאך גאנץ ווייט נאר איך קען נאך זיין דיינער ארבי. אונ רבא קען נאך זיין דיין רבים ארבי. האט מען ניט אויף גיהאלטען דעם מארק. האט רב דימי שאדין גיהאט זיינע פייגען. איז רב דימי גיקומען פר רב יוסף. אונ האט געזאגט צו אים זעה וואס מען האט מיר גיטאהן. האט רב יוסף געזאגט דער וואס האט ניט גיווארט אונ האט געשווינד בצאהלט דיא מענטשין וואס האבען פאר שעמט דעם מלך פון אדום. דער זאל נישט ווארטען אונ זאל געשווינד בצאהלען דיא מענטשין וואס האבען דיך פאר שעמט. ווארום עס שטייט אין פסוק אזוי האט גאט געזאגט אויף דרייא זינד וואס מואב האט גיטאהן. בין איך זייא מוחל. אבער דיא פערטע זינד בין איך ניט מוחל. ווייל זייא האבען פאר ברענט דיא ביינער פון דעם מלך פון אדום אויף וואפנע: זייא זאלין אים פאר שעמען. איז רב אדא בר אהבה גישטארבין. רב יוסף האט געזאגט איך האב אים גישטראפט. ווייל איך האב אים גשאלטען. רב דימי האט געזאגט איך האב אים גישטראפט ווייל איך האב שאדין גיהאט מיינע פייגין. אביי האט גיזאגט איך האב אים גישטראפט. ווארום רב אדא פלעגט זאגין צו דיא תלמידים איידער איר זאלט גריזען ביינער ביי אביי. קומט בעסער עסין פעטע פלייש ביי רבא. דאס מיינט מען איידער איר זאלט לערנען ביי אביי מאגערע דינים וואס איר ווייסט ניט דעם טעם פון זייא. בעסער קומט צו רבא ביי אים וועט איר

ואכלי בשרא שמינא בי דבא רבא אמר אנא ענישתיה דכי הוה אזיל לבי טבחא למשקל אומצא הוה אמר להו אנא אשקול בשרא מקמי שמעיה דרבא דאנא עדיפנא מיניה רב נחמן בר יצ"ק אמר אנא ענישתיה דרנב"י ריש כלה הוה כל יומא קמי דניעול לכלה הוה מרהיט בהדיה רב אדא בר אהבה לשמעתיה והדר עייל לכלה ההוא יומא עכבוהו רב פפא ורב הונא בריה דרב יהושע לרב אדא בר אהבה משום דלא הוו בסיומא אמרו ליה אימא לן הני שמעתתא דמעשר בהמה היכי אמרינהו רבא אמר להו הכי והכי אמר רבא אדהכי נגה ליה לרב נחמן בר יצחק אתו רבנן אמרו ליה קום דנגה לן למה יתיב מר אמר להו קא נטרנא לערסיה דרב אדא בר אהבה אדהכי נפק קלא דנח נפשיה דרב אדא בר אהבה ומסתברא דרב נחמן בר יצחק ענשיה:

(דף כה) ד אמר רבי יהושע בן לוי בואו ונחזיק טובה לאבותינו שהודיענו מקום תפלה שנאמר (נחמיה ט) וצבא השמים לך משתחוים. מתקיף לה

פירוש

עד שאתם הולכים ל"ל אביי לגרור עצמות כלומר ללמוד שלא לשובע: אתו ואכלו. באו ולמדו הלכות לשובות ומרווחות אצל רבא: שמעיה דרבא. שלוחו לקנות בשר: ריש כלה. דורש ברבים בשבתות: דלא הוו בסיומא. י"א שלא יכין בעלה כשנעשה רב כהנא לאם כלה וי"א דלא היו בסיומא דפרקים דרבא שדרש בשבת הרגל הלכות האמורות בפ' אחרון של בכורות: שמעתתא דמעשר בהמה. פ' אחרון דבכורות ורבא אמרינהו בסיפיה דפרקא: אתו רבנן. תלמידי הישיבה הבאים לשמוע: נטרנא לערסיה דרב אדא. אני מצפה כאן שיביאו את מטת רב אדא שמת:

לאבותינו. אנשי כנסת הגדולה שאמרו מקרא זה בספר עזרא: וצבא השמים. הרמה וה"רת כעומדים במזרח: לך משתחוים. למע ב: ודילמא

לערנען פעטע דינים. וואס איר וועט וויסען דעם טעם פון יעדער דין. אונ ווייל רב אדא פלעגט פאר שעמען אביי. דריבער איז ער גישטראפט גיווארין אונ איז גישטארבען. רבא האט גזאגט איך האב גישטראפט רב אדא. אז רב אדא פלעגט קומען אין יאטקע קויפען פלייש אונ דער בעדינער פון רבא פלעגט אויך קומען קויפען פלייש פלעגט רב אדא זאגין צום קצב איך וועל נעמען פלייש פריער פאר דעם בעדינער פון רבא. ווארום איך בין בעסער פון אים. האט דאך רב אדא פר שעמט רבא. רב נחמן בר יצחק האט גזאגט איך האב גישטראפט רב אדא. ווארום רב נחמן בר יצחק איז גיוועזן אדרשן. אלע טאג איידער ער פלעגט גיין זאגין דיא דרשה פלעגט רב אדא בר אהבה איבער זאגין אויף געשווינד דיא דרשה מיט רב נחמן בר יצחק. דער נאך פלעגט רב נחמן גיין זאגין דיא דרשה. דעם טאג האבען רב פפא אונ רב הונא בריה דרב יהושע פר האלטען רב אדא בר אהבה. ווייל רב פפא אונ רב הונא זענען ניט גיוועזן ביי דער סוף דרשה פון רבא. האבען זייא ניט געוואוסט וואס רבא האט גידרשת. האבען זייא פאר האלטען רב אדא ער זאל זייא זאגין דעם סוף דרשה פון רבא. אונ זייא האבען גזאגט צו אים זאג אונז דיא דינים פון מעשר בהמה וויא אזוי רבא האט זייא גזאגט. האט רב אדא גזאגט אזוי אונ אזוי האט רבא גזאגט. דער ווייל איז שפעט גיווא־ין צו רב נחמן בר יצחק. ווארום ער האט גיווארט אויף רב אדא. זענען גיקומען דיא רבנן צו רב נחמן אונ האבען גזאגט צוא אים קום צו די דרשה ווארום עס איז שוין שפעט. וואס זיצט דער רבי. האט רב נחמן גזאגט צוא די רבנן איך ווארט מען וועט באלד ברענגען רב אדא בר אהבה גישטארבען אין זיין בעט. דער ווייל איז ארויס גיגאנגען אקו"ל אז רב אדא בר אהבה איז גישטארבען. אונ עס ווייזט אויס אז טאקי רב נחמן בר יצחק הט איה גישטראפט. ווייל ער הט אים פר שעמט ער האט ניט גיקענט גיין זאגין דיא דרשה:

ד אמר. רבי יהושע בן לוי האט גזאגט מיר דארפין דאנקען אונזערע עלטערין זיי האבען אונז גזאגט דעם ארט וואס דארט דארף מען בעטין פאר גאט. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק וצבא השמים לך משתחוים. דיא זונען מיט דיא לבנה בוקין זיך צו דיר. אונ די זונען מיט דיא לבנה שטייען אין מזרח אונ בוקין זיך צוא מערב. איז דער ארט פון תפלה אין מערב זייט. דארף מען שטיין אין מזרח. אונ מיט דעם פנים צוא מערב. דיא תפלות זאלין גיין צו מערב:

לה רב אחא בר יעקב אימא כעבד שנוטל פרס מרבו וחוזר לאחוריו ומשתחוה קשיא ור' הושעיה סבר ששכינה בכל מקום דאמר רבי הושעיה מנין שהשכינה בכ"מ שנא' [מ"ד] (שם) אתה הוא ה' לבדך וגומר שלוחיך לא כשלוחי בשר ודם שלוחי ב"ו ממקום שמשתלחין לשם מחזירין שליחותם אבל שלוחיך למקום שמשתלחין שם מחזירין שליחותם שנאמר (איוב לח) התשלח ברקים וילכו ויאמרו לך הננו יבאו ויאמרו לא נאמר אלא ילכו ויאמרו מלמד שהשכינה בכ"מ ואף ר' ישמעאל סבר שהשכינה בכ"מ דתנא דבי רבי ישמעאל מניין שהשכינה בכ"מ שנאמר (זכריה ב) הנה המלאך הדובר בי יוצא ומלאך אחד יוצא לקראתו אחריו לא נאמר אלא לקראתו מלמד שהשכינה בכל מקום ואף רב ששת סבר שכינה בכל מקום דאמר ליה רב

הם למזרח משתחוים וכ"ש אין דרך להשתחוות פניך לרב הם עושין כעבד שנוטל פרס מרבו וחוזר לאחוריו ומשתחוה כשהוא הולך לאחוריו משנטל פרס מהרהק תמיד בהשתחואה: פרס. מתן : אתה הוא ה' לבדך בהר ולבא השמים כתיב ועל עסקי שליחות לבא השמים הוא משבח ואומר אתה הוא לבדך נמדה א : לשם מחזירין שליחותן . כשבאין לומר עשינו שליחותך צריכין לשוב אל מקום שהשולח עומד שם : למקום שמשתלחין . באותו מקום שנשתלחו שם השכינה מצויה ואומרים לו עשינו שליחותך : והנה המלאך הדובר בי יוצא , בנבואת זכריה למוד את ירושלים כמה ארכה וגו' ומלאך אחר יוצא לסתור שליחותו של ראשון שחזר בו המקום מליתן בה מדה ואומר פרזות תשב ירושלים והרי שניהם מאת השכינה באים והאחרון לא נאמר אלא לקראתו זה בא מכאן וזה בא מכאן :

האט רב אחא בר יעקב גיפרעגט טאמער טוהען דיא זוהן מיט דיא לבנה אזוי וויא אקנעכט וואס שטייט נעבין בעל הבית אונ ער נעמט אמתנה פון זיין בעל הבית אונ ער רוקט זיך אפ פון בעל הבית אינטער זיך אונ בוקט זיך פאר אים . אזוי איז דיא שכינה אין מזרח אונ דיא זוהן מיט דיא לבנה זעגען אויך אין מזרח . אונ זייא רוקין זיך אפ פון מזרח ופון די שכינה צו מערב אונ זייא בוקין זיך גענין דיא שכינה וואס זיא איז אין מזרח . בלייבט אקשיא . אונ רבי הושעיא זאגט דיא שכינה איז אויף דיא גאנצע וועלט ; ווארום עס שטייט אין פסוק דוא גאט ביסט אליין . עס איז קיינער ניט גלייך צוא דיר . דיינע שלוחים זענען ניט וויא דיא שלוחים פון אמענטשין . אז אמענטש שיקט אשליח פון דעם ארט וואס דער שליח ווערט געשיקט . אויף דעם ארט מוז דער שליח צוריק קומען ענפערין אויף זיינע שליחות . אבער דיא שלוחים פון גאט אויף דעם ארט וואס זייא זענען געשיקט גיווארין פון דארט ענפערין זיי זייערע שליחות . ווארום גאט איז דארט אויך דא . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דוא שיקסט אוועק בליצען אונ זייא גייען אוועק אונ זייא זאגין צו דיר מיר זענען דא אונ מיר האבען גיטאהן וואס דו האסט גיהייסען האט דאך גידארפט שטיין אונ זייא קומען צוריק צו גאט ענפערין מיר זעניי דא . אונ עס שטייט ניט אזו . נאר עס שטייט זייא גייען אוועק . אונ אויף דעם ארט וואס זיי זענען . דארט ענפערין זייא מיר זענען דא אונ מיר האבען גיטאהן וואס דוא האסט גיהייסען . זעהן מיר דאך אז דיא שכינה איז אויף דיא גאנצע וועלט . אונ רבי ישמעאל האלט אויך אז דיא שכינה איז אויף דיא גאנצע וועלט . ווארום דבי רבי ישמעאל הט גילערענט פון וואנען ווייסען מיר אז דיא שכינה איז אויף דיא גאנצע וועלט . ווארום עס שטייט אין פסוק זכריה הנביא האט גיזאגט דער מלאך וואס האט גירעדט מיט מיר גייט ארויס (צו זאגין אמאס וויא גרויס ירושלים זאל זיין) אונ נאך אמלאך איין אנדערער איז ארויס גיגאנגען געגין דעם מלאך צו זאגין מען זאל שוין ניט מעסטין ירושלים . איז דאך אקשיא די ביידע מלאכים זענען דאך געשיקט גיווארין פון גאט אויב גאט איז נאר אויף איין ארט . זענען דאך ביידע מלאכים פון איין ארט ארויס גיגאנגען . הט דאך גידארפט גיין איין מלאך אינטער דעם אנדערין . אונ עס שטייט ניט ער איז גיגאנגען אינטער אים . נאר עס שטייט דער אנדערער מלאך איז גיגאנגען אנטקעגין דעם ערשטין מלאך . איז דאך איין מלאך למשל גיגאנגען פון מזרח צו מערב . אונ אין דער ועלביגער רגע איז דער אנדערער מלאך ארויס געשיקט גיווארין אנטקעגין דעם ערשטין פון מערב צו מזרח . זעהן מיר דאך אז דיא שכינה איז אויף די גאנצע וועלט . אונ רב ששת האלט אויך אז די שכינה איז אויף די גאנצע וועלט . ווארום רב ששת האט גזאגט צו זיין בעדינער ורב ששת איז גוען בלינד! צו וועלכער זייט

רב ששת לשמעיה לכל רוחתא אוקמן לבר ממדינחא ולאו משום דלית ביה שכינה אלא משום דמורו ביה מינאי ורבי אבהו סבר שכינה במערב דא"ר אבהו: מאי אוריה אויר יה:

אמר רב יהודה (אמר רב) מ"ד (דברים לב) יערוף כמטר לקחי זו רוח מערבית הבאה מערפו של עולם. (שם) תזל כטל אמרתי זו רוח צפונית שמזלת את הזהב וכן הוא אומר (ישעיה מו) הזלים זהב מכיס. כשעירים עלי דשא זו רוח מזרחית שמסערת את כל העולם כשעיר. וכרביבים עלי עשב זו רוח דרומית שמעלת רביבים ומגדלת עשבים. תניא רבי אליעזר אומר עולם (ע"ב) לאכסדרה הוא דומה ורוח צפונית אינה מסובבת וכשחמה מגעת לקרן מערבית צפונית נכפפת ועולה למעלה מן הרקיע רבי יהושע אומר עולם לקובה הוא דומה ורוח צפונית מסובבת וכשחמה מגעת לקרן מערבית צפונית מקפת וחוזרת

רב ששת מאור עינים הוה: לכל רוחתא אוקמן. שמשמיעין להתפלל: דמורו בה מינאי. מורים שצריך להתפלל במזרח: אוריה. אני שמעתי שכך קורין למערב בלשון פרסי. ולי נראה שכך קורין למזרח בלשון לע"ז ומאי דאמר יען אויר יה שהשכינה במערב ופניו למזרח ממלא המזרח אורה: יערוף כמטר לקחי. משה רבינו דימה את התורה לד' רוחות העולם: א"א לעולם בלא הוא כך א"א לעולם בלא תורה: מערפו של עולם. אני שמעתי מחזקתו של עולם ע"ש שהשכינה במערב ס"ל ואני אומר מאחוריו של עולם שהמערב קרוי אחור שנאמר הן קדם אהליך ואיננו ואחור וגו': שמזלת את הזהב. שמחממת ומביאה שרב והרעבון כמה והזהב זלה: וכה"א. דכתיב זילותא גבי זהב: כשעיר. שד: לאכסדרה. שאין לה דופן רביעית: אינה מסובבת. במחיצה: למעלה מן הרקיע. ומהלכת את רוחה של צפון בגגו של רקיע: לקובה. הכל שבולה מוקף: לקרן מערבית צפונית. בלילה שהחמה

דוא ניקסט מעגסטו מיך שטעלין דאווגען. נאר ניט אין מזרח זייט: ניט ווייל דיא שכינה איז נישטא אין מזרח זייט. נאר ווייל דיא אפקורסים זאגן אז דיא שכינה איז נאר אין מזרח זייט. דריבער וויל איך ניט דאווגען אין מזרח זייט. צו ווייזין אז דיא שכינה איז אין די גאנצע וועלט. אונ רבי אבהו האלט דיא שכינה איז אין מערב זייט. ווארום רבי אבהו האט גזאגט פאר וואס רופט מען מערב זייט אוריה. דאס איז צוויי ווערטער אויר יה. דער לופט וואו גאט איז:

ה אמר. רב יהודה האט גיזאגט פון רבס וועגן עס שטייט אין פסוק יערוף כמטר לקחי. משה רבינו האט גיזאגט מיין תורה איז אזוי וויא דער רעגין וואס קומט פון מערב זייט. וואס מערב זייט איז דער נאקין (דער אינטען) פון דער וועלט וועד רעגין וואס קומט פון מערב זייט איז גוט צוא דיא תבואה. תזל כטל אמרתי. מיין זאג (מיין תורה) איז אזוי וויא דער טהא וואס ער מאכט וויא וויל דיא גאלד. ווארום ווען עס איז טהא איז אהיץ אן רעגין. אונ דיא היץ קומט פון צפון זייט. אונ דיא היץ מאכט אהונגער. אונ ווען עס איז אהונגער איז גאלד (געלט) וואלוויל. ווארום מען גיט פיל געלט פאר איין ברויט. תזל איז דער טייטש וואלוויל. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק הזלים זהב. מכים. בייא זייא איז וואלוויל דאס גאלד פון בייטיל. נאך האט משה רבינו גיזאגט מיינע רייד זענען כשעירים עלי דשא. אזוי וויא ארעגין מיט אשטורעם ווינט וואס רעגינט אויף גראז. דאס מיינט מען דעם ווינט וואס קומט פון מזרח זייט. וואס ער מאכט שטורעמען דיא וועלט אזוי וויא אשד. נאך האט משה רבינו גיזאגט מיינע רייד זענען כרביבים עלי עשב. אזוי וויא אדינער רעגין וואס רעגינט אויף גראז: דאס מיינט מען דעם רעגין וואס קומט פון דרום זייט. וואס ער מאכט וואקסין דיא גראז. איז דיא תורה גענגליכען צו אלע פיר זייטין פון דער וועלט. מיר האבין גילערנט רבי אליעזר זאגט דיא וועלט איז אזוי וויא אאכסדרה. ואאכסדרה איז אשטוב אין הויף גימאכט דרייא ווענט אונ דיא פערטע וואנט איז האפין: אונ דיא וועלט איז אויך פאר מאכט פון דרייא זייטין אונ דיא פערטע זייט דיא צפון זייט איז האפין אונ אז די זונה קומט צום ווינקיל פון מערב אונ צפון בייגט זיא זיך איין אונ גייט איבער דעם הימעל דיא גאנצע צפון זייט ביז זיא קומט צום ווינקיל מערב אונ דרום. גייט זיא אראפ פון הימעל אונ גייט ווייטער אונטער דעם הימעל צוא לייכטין אויף דיא ערד. רבי יהושע זאגט דיא וועלט איז גלייך צו אסובה. וקובה איז אגצעלט וואס האט פיר ווענט ארום. אונ דיא צפון זייט איז אויך פר מאכט.

[וחוזרת] אחורי הכיפה שנאמר (קהלת א) הולך אל דרום וסובב אל צפון. הולך אל דרום ביום וסובב אל צפון בלילה. סובב סובב הולך הרוח גו' אלו פני מזרח ומערב שפעמים מסבבתן ופעמים מהלכתן הוא היה אומר אתאן לרבי אליעזר (איוב לז) מן החדר תבא סופה זו רוח דרומית וממזרים קרה זו רוח צפונית מנשמת אל יתן קרח זו רוח מערבית ורחב מים במוצק זו רוח מזרחית והאמר מר רוח דרומית מעלת רביבים ומגדלת עשבים לא קשיא הא דאתיא מטרא בניחותא הא בשפיכותא. אמר רב חסדא מ"ד (שם) מצפון זהב יאתה זו רוח צפונית שמזלת את הזהב וכן הוא אומר (ישעיה מו) הזלים זהב מכיס. אמר רפרם בר פפא אמר רב חסדא מיום שחרב בהמ"ק לא הוגשמה רוח דרומית דכתיב (שם ט) ויגזור על ימין ורעב ויאכל על שמאל ולא שבעו וכתיב (תהלים פט)

צפון

מהלכת לעולם רוח צפונית בלילה ומן המערב הוא פו' לצפון שכך הילוכה מן המזרח לדרום ומדרום למערב וממערב לצפון: וחוזרת אחורי הכיפה. דרך חלון: הולך אל דרום. את היקף היום קרי הילוך שהוא בתוך החלל ואת היקף הלילה קרי סיבוב שהוא מקיף מבחוץ וביום לעולם מהלכת בדרום אפי' ביום קצר אינו מהלך פחות מרוח דרומית: וסובב אל צפון בלילה. אף בלילה קצרה של תקופת תמוז אינו סובב פחות מרוח צפונית: פעמים מהלכתן. ביום ארוך של תקופת תמוז שהיא יוצאה מקרן צפונית מזרחית ושוקעת בקרן מערבית צפונית: ופעמים מסבבתן. ביום קצר שחמה יוצאה בקרן מזרחית דרומית ושוקעת בקרן דרומית מערבית ומהלכת בלילה ג' הרוחות: אתאן לר"א. שאמר לאכסדרה דומה: וממזרים קרה צפונית. שהרוח מוזרת ופזרתה: והאמרת רוח דרומית מעלה רביבים וכאן אתה אומר רוח מזרחית מגלה מים: הא דאתיא מטרא בניחותא. בא מן הדרום והא דאתא בשפיכותא בא מן המזרח כדכתיב מים במוצק: לא הוגשמה רוח דרומית. שהיתה רגילה להביא רביבים טובים: וכתיב צפון וימין אלמא ימין הוא

און אז די זוהן קומט פארין נאכט צום ווינקול מערב און צפון. גייט זיא די גאנצע צפון זייט ביי נאכט. און זיא גייט צוריק אונטערין הימל דורך אפענעסטער. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק הולך אל דרום. דיא זוהן גייט אין דרום זייט ביי טאג. ווארום אפילו דעם קלענסטין טאג גייט אויך דיא זוהן גאנץ דרום זייט: וסובב אל צפון. און זיא רינגולט ארום דיא צפון זייט ביי נאכט. ווארום אפילו דיא קלענסטע נאכט רינגולט אויך דיא זוהן גאנץ צפון זייט. סובב סובב הולך הרוח. אמאהל רינגולט דיא זוהן. און אמאהל גייט דיא זוהן. דאס איז דיא מזרח זייט און דיא מערב זייט. ווען דער טאג איז קליין און דיא זוהן גייט ארויס פון ווינקול מזרח און דרום און זיא גייט אונטער אין ווינקול דרום און מערב. רינגולט דיא זוהן גאנץ מערב און גאנץ צפון און גאנץ מזרח. און ווען דער טאג איז גרויס און דיא זוהן גייט ארויס אין ווינקול צפון און מזרח. און זי גייט אונטער אין ווינקול מערב און צפון. רינגולט זיא ארום נאר צפון זייט ביי נאכט. און זיא גייט ביי טאג גאנץ מזרח און גאנץ דרום און גאנץ מערב. רבי אליעזר פלעגט זאגין עס שטייט אין פסוק מן החדר תבא סופה פון דעם חדר קומט דער שטורעם ווינט. דאס מיינט מען דרום זייט. וממזרים קרה און פון דיא צוא בראכענע זייט קומט קעלט. דאס מיינט מען צפון זייט. מנשמת אל יתן קרח. פון דעם אטעם פון גאט ווערט גיגעבין אייז. דאס מיינט מען מערב זייט. ורוחב מים במוצק. דיא ברייט פון וואסער וואס גייט מיט שטארקייט. דאס איז מזרח זייט. פרעגט דיא גמרא דער תנא האט דאך גיזאגט אז פון דרום זייט גייט רעגין און פון דעם רעגין וואקסט גראז. ענטפערט דיא גמרא עס איז ניט קיין קשיא דער רעגין וואס גייט רוהיג און פאמעלאך קומט פון דרום זייט. און דער רעגין וואס גייט מיט אײַלייץ און מיט אשטורעם קומט פון מזרח זייט. רב חסדא זאגט עס שטייט אין פסוק פון צפון קומט גאלד: דאס מיינט מען דעם צפון זייט וואס ער ברייננגט היץ אויף דער וועלט ווערט אהונגער ווערט גאלד ווָאלוויל. און אזוי שטייט אין פסוק הזלים זהב מכיס. עס ווערט וואלוויל דיא גאלד פון בייטיל: רפרם בר פפא האט גיזאגט פון רב חסדאס וועגין פון דעם טאג וואס דער בית המקדש איז חרוב גיווארין: האט נאך נישט גירעגינט פון דרום זייט: אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אז גאט האט גוזר גיוועין אויף רעכטס (אויף דרום זייט) עס זאל ניט גיין קיין רעגין איז מען הונגעריג: און אז ער גייט עסן אויף לינקס אין צפון זייט (וואס דארט איז דא גאלד) איז ער ניט זאט גווארן. ווארום די גאלד קען מען דאך ניט עסין: רעכטס איז דרום און לינקס איז צפון: אזוי וויא עס שטייט אין

דרום וכתיב: בית ורעב: את אוצרו הטוב. וסימניה
לחם מסתארך:
ידרים. יתפלל יחזיר פניו לדרום: וסימניך.
כלה תהליך: דמצדד אצדודי. מכנס לצד
דרום: אדרימו. שהיו פונים לצד ירושלים משום
דכתיב והתפללו אליך דרך ארצם וגו':
פרדסא. כרם: ובה ארתיקי לי. ד' אמות:

צפון וימין אתה בראתם. ואמר רפרם בר פפא אמר רב חסדא מיום שחרב בהמ"ק לא ירדו גשמים מאוצר ט ב שנאמר (דברים כח) יפתח ה' לך את אוצרו הטוב בזמן שישראל עושים רצונו של מקום ושרויים בארצם גשמים יורדים מאוצר טוב ובזמן שאין שרויים בארצם אין יורדים מאוצר טוב:

ו א"ר יצחק הרוצה להתחכם ידרים שיתעשר יצפין וסימנך שלחן בצפון ומנורה בדרום ריב"ל אמר לעולם ידרים שמתוך שמתחכם מתעשר שנאמר (משלי ג) אורך ימים בימינה בשמאלה עושר וכבוד והאמר ריב"ל שכינה במערב (לא צריכא) דמצדד אצדודי. א"ל רב חנינא לרב אשי כגון אתון דיתביתו לצפונא דארעא דישראל אדרימו אדרומי ומנ"ל דבבל לצפונא דארעא דישראל קיימא דכתיב (ירמיה א) מצפון תפתח הרעה על כל יושבי הארץ:

(דף כו) ז רבא בר רב חנין הוו ליה הנהו דקלי אמצרא דפרדסא דרב יוסף הוו ציפרי יתבי בדקלי ונחתי בפרדסא ומפסדי ליה א"ל זיל קוץ א"ל והא

פסוק צפון און ימין האכטו בשאפן: אז ימין איז די אנדערע זייט פון צפון. איז ימין דרום. זעה מיר אז פון דרום איז מען הונגעריג. נאך האט רפרם בר פפא גזאגט פון רב חסדאס וועגן פון דעם טאג וואס דער בית המקדש איז חרוב געווארין האט נאך נישט גירעגנט פון גוטען אוצר: אזוי וויא עס שטייט אין פסוק גאט וועט עפענען פון דיינעט וועגן זיין גוטען אוצר. צוא געבן רעגן אין דיין לאנד. ווען דיא יודין טוהען דעם ווילען פון גאט. און זייא וואוהנען אין זייער לאנד גייט דער רעגן פון גוטען אוצר. און ווען דיא יודין וואוהנען ניט אין זייער לאנד. גייט ניט דער רעגן פון גוטען אוצר:

ו אמר. רבי יצחק האט גזאגט דער וואס וויל קלוג ווערין זאל ער דאווענען מיט דעם פנים צוא דרום. און דער וואס וויל רייך ווערין. זאל ער דאווענען מיט דעם פנים צוא צפון. דער סימן איז. דער טיש מיט דעם לחם הפנים איז גישטאנען אין בית המקדש אין צפון זייט. און די מנורה איז גישטאנען אין דרום זייט און דיא מנורה ווייזט אויף חכמה. ווארום דיא חכמה בעלייכט דעם פנים פון מענטשין. רבי יהושע בן לוי זאגט אייביג זאל א מענטש דאווענען מיט דעם פנים צוא דרום זייט. ווארום אז ער וועט קלוג ווערין. וועט ער רייך ווערין. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אין דיא רעכטע זייט פון דיא תורה איז לאנגע טעג. אין די לינקע זייט פון דיא תורה איז רייכקייט און כבוד. פרעגט דיא גמרא רבי יהושע בן לוי האט דאך גזאגט דיא שכינה איז אין מערב זייט. ענטפערט דיא גמרא רבי יהושע בן לוי מיינט ער זאל שטיין מיט דעם פנים אין ווינקול מערב און דרום. רב חנינא האט גזאגט צוא רב אשי איר וואס איר וואוהנט אין צפון זייט פון ארץ ישראל. זאלט איר שטיין מיט דעם פנים צוא דרום זייט. פון וואנען ווייסען מיר אז בבל שטייט אין צפון זייט פון ארץ ישראל. ווארום עס שטייט אין פסוק פון צפון זייט (פון בבל) וועט גיעפינט ווערין דיא שלעכץ אויף אלע זיצער פון דער לאנד:

ז רבא בר רב חנין האט גיהאט טייטל בוימער ביא דעם ברעג ווייגארטין פון רב יוסף. פלעגין קומען פייגלען און פלעגין זיצען אויף דיא טייטל בוימער. דער נאך פלעגין זייא אראפ פליהען אין וויינגארטין און פלעגין שאדין טאהן דעם וויינגארטין. האט רב יוסף גזאגט צו רבא האק אפ דיינע טייטל בוימער. האט רבא גזאגט מיינע טייטל בוימער זענען דאך ווייט פיר איילין פון דיין פעלד. האט רב יוסף גזאגט ווען איך וואלט האבען אין מיין פעלד פראסטע בוימער וואלט גינוג גיוועזן דוא זאלסט זיין ווייט פון מיר פיר איילין. אבער אז איך האב וויין שטאקין דארפסטו דיך דער ווייטערין מער וויא פיר איילין. האט רבא גזאגט מיר האבען דאך גילערנט

ארחיקי לי אמר ליה הני מילי לאילנות אבל לגפנים בעינן טפי והאנן תני אחד גפנים ואחד כל האילן א"ל ה"מ אילן לאילן וגפנים לגפנים אבל אילן לגפנים בעינן טפי א"ל אנא לא קייצנא דאמר רב האי ריקלא דטעין קבא אסור למקציה וא"ר חנינא לא שכיב שכחת ברי אלא דקץ תאנתא בלא זימניה מר א' ניחא ליה ליקוץ:

חזקת הבתים פרק שלישי

(דף נו) א [יתיב רב אחא בר אויא קמיה דר' אמי ויתיב וקאמר משמיה דרבי אסי בר' חנינא] חצובא מפסיק בנכסי הגר מאי חצובא אמר רב יהודה אמר רב שבו תיחם יהושע לישראל את הארץ. וא"ר יהודה אמר רב לא מנה יהושע אלא עיירות העומדות על הגבולין. א"ר יהודה אמר שמואל כל שהראהו הקב"ה למשה חייב במעשר לאפוקי מאי לאפוקי קני וקנזי וקדמוני. תניא ר"מ אומר נפתוהא ערבאה ושלמאה

שכחת ברי. כך שמו: מפסיק בנכסי הגר. (שלא יזכה בחזקת חבירו) [ב' שדות של גר והגר נטוע בינתים המחזיק באחת מהן לא קנה את השניה אלא מאי דאחזיק בה לבדה קנה]: מאי חצובא. איזה דבר הוא ומאי חשיבותו להחשב כמילר: שבו תיחם. בין שבט לשבט בין איש לאיש לפי שאינו יונק לא מכאן ולא מכאן: לא מנה יהושע כו'. כדאמרינן בפ"ק יהושע כתב ספרו: על הגבולין. כדי להראות התחומין ופשטיה דקרא אתא לא מעיקר ר"י טעם חשב אותן עיירות: כל שהראה הקב"ה למשה. בשעת מיתתו שנאמר ויראהו ה' את כל הארץ את הגלעד עד דן: חייב במעשר. דהשתא הוי עממים הכתובים בכל מקום אבל קני קנזי וקדמוני שכתוב באברהם בברית בין הבתרים לא נתייבו במעשר לעתיד לבא כשיחזירום למו לעתיד כדאמרינן בב"ר א"כ אם כבשו ישראל מהם אחרי מות יהושע כולן פטורין מן המעשר כו': תניא ר"מ אומר. כולהו תנאי בפי' קני וקנזי וקדמוני פליגי:

סיי ווינשטאקין אונ סיי אנדערע בוימער דארף מען נאר דער ווייטערין פיר איילין. האט רב יוסף גזאגט בוימער פון בוימער דארף מען נאר דער ווייטערין פיר איילין. אדער ווין שטאקין פון ווין שטאקין דארף מען נאר דער ווייטערין פיר איילין. אבער בוימער פון ווין שטאקין דארף מען דער ווייטערין מער וויא פיר איילין. האט רבא גזאגט איך וועל ניט אפ האקין מיינע בוימער. ווארום רב האט גזאגט דער טייטל בוים וואס אויף אים וואקסט אקב טייטלען. טאר מען אים ניט אפ האקין. אונ רבי חנינא הט גזאגט מיין זוהן שכחת איז געשטארבן ווייל ער האט אפ געהאקט אפייגן בוים פאר דער צייט. אויב דוא ווילסט האק אפ:

פרק שלישי

א יתיב. רב אחא בר אויא איז געזעסין פאר רבי אסי אונ האט געזאגט פון רבי אסי ברבי חנינא וועגין דער גראז וואס הייסט חצובא צוא טיילט דיא פעלדער פון אגר. ודער דין איז אז אגר איז געשטארבען אונ האט געלאזין אפאר מעגין. ווערעס ת[...]פט דעם פר מעגין צוא דעם געהער דאס אונ אויב ער האט געלאזין פעלדער. ווער עס גייט אריין אין די פעלדער אונ פאר בעסעדט דארט עפעס. צוא דעם געהערין דיא פעלדער. אונ אויב צווישען איין פעלד אונ דיא אנדערע וואקסט דער גראז חצובא. ווערין דיא פעלדער צוא טיילט. אונ יעדער פעלד ווערט גירעכונט בזונדער. אז ער האט עפעס פאר בעסערט איין פעלד. געהער דיא איין פעלד צוא אים. אבער דיא איבעריגע פעלדער געהערין נאך ניט צוא אים. וואס איז חצובא רב יהודה זאגט פון רבס וועגין מיט דעם חצובא האט יהושע צוא טיילט ארץ ישראל צו דיא יודין. אז עס איז געוועזן צוויי פעלדער פון צוויי מענטשין איינע נעבין אנדערין. האט ער ארויין געשטעקט דעם גראז חצובא צווישען דיא ביידע פעלדער. ווייל דער גראז האט ניט קיין ווארצלען אין דיא זייטין נאר גלייך אראפ. נאך האט רב יהודה געזאגט פון רבס וועגין. יהושע האט ניט מער געציילט נאר דיא שטעט וואס זענען געשטאנען ביי דיא גרענעצין. רב יהודה האט געזאגט פון שמואלס וועגין דיא פעלדער וואס גאט האט געוויזען צוא משה רבינו איידער ער איז געשטארבן. דארף מען געבין מעשר פון דיא תבואות. פרעגט דיא גמרא פון וועלכע פעלדער דארף מען ניט געבין מעשרות. גאט האט דאך געוויזען צוא משה גאנץ ארץ ישראל. ענטפערט דיא גמרא פון דיא

ושלמאה ר' יהודה אומר הר שעיר עמון ומואב ר"ש אומר ערדיסקים אסיא ואספמיא:

(דף ט פ"ב) **ב ועוצם** עיניו מראות ברע (ישעיה לג) א"ר חייא בר אבא זה שאין מסתכל בנשים בשעה שהן עומדות על הכביסה היכי דמי אי דאיכא דרכא אחרינא רשע הוא אי דליכא דרכא אחרינא אנוס הוא לעולם דליכא דרכא אחרינא ואפ"ה מיבעי למנים נפשיה. בעא מיניה ר' יוחנן מר' בנאה חלוק של ת"ח כיצד כל שאין בשרו נראה מתחתיו. טלית של ת"ח כיצד כל שאין חלוקו נראה מתחתיו טפח. שלחן של ת"ח כיצד שני שלישי גדיל ושליש גלאי שעליו כוסות וקערות מונחות וטבעתו מבחוץ והא תניא טבעתו מבפנים לא קשיא הא דאיכא

פירוש: שאינו מסתכל: כשהוא הולך לשפת הנהר: היכי דמי. דמשבח ליה קרא אם עוצם עיניו דמשמע שאם לא יעצים עיניו אינו לא צדיק ולא רשע: אי דאיכא דרכא אחרינא ואזיל. בהך: רשע הוא. ואע"פ שעוצם עיניו לא היה לו להתקרב אלא להתרחק מן עבירה דקי"ל הרחק מן הכיעור: אנוס הוא. אם מהלך דרך הליכה ואנוס דהאי פטריה ולמה מזקיקו הכתוב להעלים עיניו: למינס נפשיה. להטות עיניו לצד אחר והיינו דמשבח ביה קרא דאי אנים נפשיה חסיד הוא: כל שאין בשרו נראית מתחתיו: פירוש ארוך עד פסת רגלו שלא יראה כשהוא הולך יחף: טלית. מקטורין שמתכסה בו על כל הבגדים שהוא לבש: שאין חלוקו נראה כו'. וכ"ש דאי קאי עד לידי חלוק דאיכא צניעותא טפי: שני שלישי גדיל וכו'. שני שלישי רוחב השלחן מכוסה במפה מצד האוכלין לקנח פיהם וליתן עליה את הפת ושליש החיצון מגולה להניח עליו קערות וכוסות שלא ילכלכו המפה ויתבזו שאי לאו ואית דמפרש שליש גלאי באמצע שני שלישי גדיל דסיימי מפה מבחוץ ומבפנים כל סביב השלחן ובאמצעיתו מגולה. גדיל קרי המפה על שם שארוגה ונאה לא הוא: וטבעתו. של שלחן שהיו רגילין לעשות בשפתו לא והו בו יהיה מבחוץ אלא מבפנים מצד האוכלין כדמפרש ואזיל: מבפנים. מצד הסמוך

פעדער פון קני קנזי קדמוני דארף מען ניט געבן מעשרות. מיר דאבען גילע ונט רבי מאיר זאגט קני קנזי קדמוני איז נפתוחא ערבאה שלמאה. רבי יהודה זאגט קני קנזי קדמוני איז הר שעיר עמון מואב. רבי שמעון זאגט קני קנזי קדמוני איז ערדיסקים אסיא אספמיא:

ב ועוצם. אין פסוק שטייט אז ער פר מאכט זיינע אויגען ער זאל ניט זעהן קיין שלעכץ. וועלבע שרעכן זאל ער ניט זעהן. רבי חייא בר אבא זאגט מען מיינט אז ער גייט ביי דעם ברעג טייך זאל ער נישט קוקען אויף דיא ווייבער ווען זייא שטייען אין טייך אונ וואשען. פרעגט דיא גמרא וויא שמועסט דא. אויב ער האט גיהאט איין אנדער וועג צוא גיין ניט נעבין טייך. אונ ער איז גינאנגען נעבין טייך. אפילו ער וועט ניט קוקען אויף דיא ווייבער איז ער אויך ארשע. אונ אויב עס איז ניטא קיין אנדער וועג נאר נעבין טייך. אפילו ער וועט גייענדיג קוקען אויף דיא ווייבער איז אויך ניט קיין גרויסע עבירה. ווארום ער מוז דאך גיין אונ דיא ווייבער זענען אים אנטקעגין מוז ער דאך קוקען אויף זייא. אונ דיא עבירה וואס דער מענטש טוהט וויל ער איז גייניט. איז ער פטור פון אשטראף. ענטפערט דיא גמרא עס שמועסט טאקי אז עס איז ניטא קיין וועג נאר נעבין טייך. פון דעסטוועגין דארף דער מענטש זיך נייטין אונ ניט קוקען אויף דיא ווייבער. אונ אז ער האט טאקי אזוי גיטאהן ער האט זיך גענייט אונ האט פר מאכט דיא אויגען אונ האט ניט גיקוקט. לויבט אים דער נביא אונ זאגט אים צוא גרויס שבח אזוי וויא עס שטייט אין פסוק. רבי יוחנן האט גיפרעגט ביי רבי בנאה דיא העמד פון אתלמיד חכם וויא דארף זיין געמאכט: האט רבי בנאה גזאגט זיא דארף זיין לאנג ביז צוא דיא ערד דאס לייב זאל אונטען ניט גיזעהן ווערין. וויא זאל זיין גימאכט דיא אובער קלייד פון אתלמיד חכם. זיא זאל זיין אזוי לאנג אז דיא העמד זאל ניט גיזעהן ווערין אונטען אטפח דיא ברייט. אונ אז זיא וועט זיין לאנג גלייך מיט דיא העמד. איז געווים גוט. וויא זאל זיין דער טיש פון אתלמיד חכם. צוויי דריטעל טיש זאל זיין בדעקט מיט אטיש טוך. אויף דעם טיש טוך זאל זיין דאס ברויט אונ דיא איבעריגע עסין. אונ אויף דעם דריטעל טיש יענם אן אטישטוך דארט שטעלט מען דיא גלעזער אונ דיא שיסלען וואס מען האט אין זייא גיגעסין אונ גיטרונקען אונ זייא זענין שוין ליידיג. אונ דער רינג פון טיש זאל זיין אויס וויינינג. פון דער זייט טיש וואס קיינער זיצט ניט. פרעגט דיא גמרא מיר האבען דאך גילערנט דער רינג זאל זיין אינווייניג געבין די מענטשין וואס זיצען ביי דעם טיש. זאגט דיא גמרא עס איז ניט קיין קשיא. אויב ביא דעם טיש זיצט

דאיכא ינוקא הא דליכא ינוקא ואבע"א הא והא דליכא ינוקא ולא קשיא הא דאיכא שמעא והא דליכא שמעא ואבע"א הא והא דאיכא שמעא ולא קשיא הא בליליא הא בימּמא. ושל עם הארץ דומה (דף נח) למדורה וקדרות מקיפות אותה. מטה של ת"ח כיצד כל שאין תחתיה אלא סנדלין בימות החמה ומנעלים בימות הגשמים ושל ע"ה דומה לאוצר בלוס:

ג רבי בנאה הוה מציין מערתא (דרבנן) כי מטא למערתא דאברהם אבינו אשכחיה לאליעזר עבד

לו: היכא דליכא ינוקא. שיושב אצל אביו ואוכל צריך להושיב השלחן שיהא נגד הטבעת מבחוץ פן יסתכן בו התינוק ויגעגע השלחן: ואי ליכא ינוקא. יעשה מבפנים ולא יסתכנו אחור פן יכשל בו השמש שהולך יבא סביב השלחן: הא דאיכא שמעא. שמש יעשה מבפנים ולא יסתכנו מבחוץ פן יכשל השמש: הא דליכא שמעא. יעשה מבחוץ ולא מבפנים פן יזוקו בו האוכלין ומיהו היכא דאיכא שמעא יעשה מבפנים אצל היושבין ולא מבחוץ שיכולין ליזהר מן הטבעת יזהר מן השמש שהוא הולך והם יושבין: הא בימּמא. יהיה מבחוץ שיכול השמש להשמר ולא מבפנים דמזיק לאוכלים שצר להם המקום: למדורה. מוקפת קדרות והאש באמצע ואף כאן המטה וכליהם באמצע והקערות סביב: כל שאין תחתיה כו'. כדאמרינן בפסחים אוכלין תחת המטה אפילו מחופין בכלי ברזל רוח רעה שורה עליהם. דרך נגעל מנעלים בימות החמה וסנדל בימות הגשמים בשביל הטיט: אלא סנדלים בימות החמה. שמניחין שם עד ימות הגשמים שיצטרך להם: לאוצר בלוס. בכמ"ך כמו עיסה בלוסה במסכת שבת בפרק כלל גדול עיסה מעורבבת ממינים הרבה וכן אוצר בלוס מינים הרבה מעורבבות בתוכו יחד וכן מטת עם הארץ כל דבר מונח תחת מטתו אוכלין וכלים:

רבי בנאה. אדם גדול וחשוב היה לפיכך ניתן לו רשות ליכנס במערת צדיקים אבל אחר לא כדאמרינן התם גדולים צדיקים במיתתן יותר מבחייהם והיה נכנס במערה ומודד מדה ארכו מבפנים ואח"כ מודד מבחוץ כנגדו ועושה שם ציון כיד כדי להכיר מקום הטומאה ולא יביאו טהרות דרך כאן שלא יאהילו על הקבר: אשכחיה לאליעזר. דתניא במס' דרך ארץ דהכעה

אקינד אויך. זאל זיין דער רינג אויס ווייניג טיש. בייא דער זייט וואס קיינער זיצט ניט ווארום טאמער וועט דאס קינד זיך שפילען מיט דעם רינג. דער וויל וועט ער אשאקיל טאהן דעם טיש. וועט אויס גינאסען ווערין דאס עסין. אונ אויב עס איז ניטא קיין קינד בייא דעם טיש. זאל זיין דער רינג נעבין דיא זייט וואו מענטשין זיצען. ווארום אז דער רינג וועט זיין אין דיא אנדערע זייט. אויס ווייניג. דארט קומט דער בעדינער מיט עסין. אונ וויל ער איילט זיך וועט ער זיך פאר טשעפין אן דעם רינג אונ וועט מאכען אשאדין. אונ אז דוא ווילסט וועל איך דיר זאגין ביידע ברייתות שמועסין אז עס איז ניטא קיין קינד זיצען ביי דעם טיש. אונ עס איז ניט קיין קשיא. אויב עס איז דא אבעדינער זאל זיין דער רינג אינווייניג וואו די מענטשין זיצען. אונ אויב עס איז ניטא קיין בעדינער. זאל זיין דער רינג אויס ווייניג. אונ אויב דוא ווילסט וועל איך דיר זאגין ביידע ברייתות שמועסין אז עס איז דא אבעדינער. אונ עס איז ניט קיין קשיא. ביי נאכט זאל דר רינג זיין אינווייניג ווו דיא מענטשין זיצען. ווארום אז דער רינג וועט זיין אויס ווייניג וועט זיך דער שמש פאר טשעפין אן דעם רינג אונ וועט מאכען אשאדין. וויל עס איז ביי נאכט וועט ער ניט דער זעהן דעם רינג. אונ ביי טאג זאל זיין דער רינג אויס ווייניג. ווארום דער שמש וועט זעהן דעם רינג וועט ער זיך היטען ער זאל זיך ניט פאר טשעפין. אונ דער טיש פון אעם הארץ איז גלייך אזוי וויא אפייער וואס דיא טעפ שטייען ארום דעם פייער אונ דר פייער איז אין מיטען. אזו איז דר טיש. אויף דעם מיטען טיש ליגט אטיש טוך אונ אויף דעם טישטוך ליגט דאס עסין אונ דיא טעפ מיט דיא שיסלען שטייען אויף דעם טיש ארום דעם טישטוך וויא איז דיא בעט פון אתלמיד חכם אז אונטער דיא בעט שטייט ניט מער נאר הילצערנע שיך אום זומער. אונ לעדערנע שיך אום ווינטער. אונ די בעט פון אעם הארץ איז וויא אאויס געמישטער אוצר אלע עסין ווארג אונ אלע כלים שטייען אלץ אונטערין בעט:

ג רבי בנאה פלעגט אריין גיין אין דיא קעווערס וווא דיא גישטארבענע צדיקים פלעגין דארט ליגען. אונ ער פלעגט אויס מעסטין דעם קעווער אינווייניג דיא לייגג אונ דיא ברייט. דער נאך פלעגט ער מאכין אזוי אצייכין אויס ווייניג פון הויבין אויף דעם קעווער. מען זאל וויסען וועלבע שטיק ערד איז טמא. כהנים זאלין דארט ניט גיין. אונ אנדערע זאכין וואס אויף דעם ערט וועט ליגען. וועט זיין טמא. וויא רבי בנאה איז גיקומען צום קעווער ווא אברהם אבינו איז גילעגין. האט ער גיטראפין אז אליעזר דער קנעכט פון אברהם שטייט פאר

עבד אברהם דקאי קמי בבא א"ל מאי קעביד אברהם א"ל גאני בכנפה דשרה ומעיינא ליה ברישיה א"ל זיל אימא ליה בנאה קאי אבבא א"ל ליעול וליתי מידע ידיע דיצה"ר בהאי עלמא ליכא על עיין ונפק כי מטא למערתא דאדם הראשון יצתה בת קול ואמרה לו נסתכלת בדמות דיוקני בדיוקני עצמה אל תסתכל והא בעינא לציוני מערתא כמדת החיצונה כך מדת הפנימית ולמ"ד ב' בתים זו למעלה מזו קיימי כמדת העליונה כך מדת התחתונה. א"ר בנאה אנא נסתכלתי בשני עקביו של אדם הראשון ודומים לשני גלגלי חמה . הכל בפני שרה כקוף בפני אדם . שרה בפני חוה כקוף בפני אדם חוה בפני אדם כקוף בפני אדם אדם בפני שכינה כקוף בפני אדם . שופריה דרב כהנא (מעין שופריה דרב ודרב) מעין דרבי אבהו דרבי אבהו מעין דיעקב אבינו דיעקב אבינו מעין דאדם הראשון . (דאדם הראשון מעין דשכינה) . ההוא אמגושא דהוה מחטט שכבי כי מטא למערתא דרב טוב

דשכבתי לדיקים קיימין אלא מהו וקא חשיב נבדייהו אליעזר עבד אברהם : בכנפה . בין זרועותיה: א"ל. רבי בנאה לאליעזר : זיל אימא ליה . לאברהם בנאה קאי וגבא וכן לו רשות ליכנס : א"ל ליעול . דאין כאן מולאה אי גניאה באגפים בכנפה דשרה : דמידע ידע דיצה"ר בהאי עלמא ליכא . ולא צריכנא לאזהורי מינים : על עיין ונפק. נכנס רבי בנאה ונסתכל מדת, אורך המערה ויצא ואח"כ ציין מבחוץ : למערתא דאדם . כדדרשינן בעירובין בפ' כיצד מעברין ממרא קרית ארבע א"ר יצחק ארבע על שם ארבע זוגות שנקברו שם אדם וחוה אברהם ושרה יצחק ורבקה יעקב ולאה : בדמות דיוקני . יעקב דאמרינן בסמוך שופריה דיעקב מעין שופריה דאדם הראשון : בדיוקני עצמה . דהיינו אדם הראשון דכתיב גביה בצלם אלהים ברא אותו : הא בעינא ציוני מבחוץ. ולפיכך צריך אני תחלה למדוד מבפנים : כמדת החיצונה . שהם ג' אבות והאמהות כן מדת הפנימית וכמ"ן דהיינו מכפלה ב' בתים זה לפנים מזה ופלוגתא דרב ושמואל בכיצד מעברין : כן מדת התחתונה . ודי לך בציון העליונה : בשני עקביו של אדם הראשון והיו דומין וכו' . והא דכתיב כי עפר אתה ואל עפר תשוב הא פרכינן לה במס' שבת בפ"ק שואל ומוקמינן לה דההוא שעה אחת קודם תחית המתים : שופריה דרבי אבהו מעין שופריה דיעקב אבינו . בהשוכר את הפועלים פריך וליחשוב נמי רבי יוחנן ושפני הדרת פנים לא ס"ל : אמגושא. מכשף : מחטט ש"בי . חופר קברי מתים להפשיטן

דיא טיר פון קעלער . האט רבי בנאה גיזאגט צוא אליעזר וואס טוהט איצט אברהם . האט אליעזר גיזאגט אברהם שלאפט אין שויס פון שרה . אונ זיא לאוזט איהם דעם קאפ . האט רבי בנאה גיזאגט צו אליעזר גייא זאג צוא אברהם בנאה שטייט בייא דיא טיר . האט אברהם גיזאגט צו אליעזר גייא זאג צו רבי בנאה ער זאל אריין קומען . מען וויים אז אויף דער וועלט איז ניטא דער יצר הרע . דארף איך מיך ניט בעהאלטין פאר איהם . איז רבי בנאה אריין גיקומען אין קעלער אונ האט גיזעהן וויא לאנג אונ ווי ברייט דער קעלער איז . אונ איז ארויס גיגאנגען . וויא רבי בנאה איז גקומען צו דעם קעלער ווא אדם הראשון איז גיוועזן . איז ארויס גיגאנגען אקול אונ האט גיזאגט צוא רבי בנאה דוא האסט גיקוקט אויף דעם מענטש וואס ער איז גליך צו מיין גישטאלט . ודאס איז יעקב . האט מען דיר ניט גישטערט . אין מיין גישטאלט ואויף אדם הראשון וואס ער איז גיוועזן דער גישטאלט פון גאט . אויף איהם זאלסטו ניט קוקען . האט רבי בנאה גיזאגט איך דארף בעצייכענען דעם קעלער . מוז איך דאך אריין גיין אינוועניג . האט מען גיזאגט צו רבי בנאה וויא גרויס דיא אויסוויניגסטע שטוב איז . אזוי גרויס איז דיא אינוויניגסטע שטוב . אונ נאך דעם וואס זאגט אז דער קעלער איז גיוועזן צוויא שטובען איינע אויף דיא אנדערע . האט מען גזאגט צו רבי בנאה ווי גרויס דיא אובערשטע שטוב איז . אזוי גרויס איז דיא אונטערשטע שטוב . רבי בנאה האט גיזאגט איך האב גיזעהן דיא צוויא פיענטעס פון אדם הראשון האבין זייא געגליכטין אזוי וויא דיא צוויא רעדער פון דיא זוהן . אלע מענטשין זעהן אויס געגין שרה אזוי וויא אמאלפע געגין אמענטש . שרה זעהט אויס געגין חוה אזוי וויא אמאלפע געגין אמענטש . חוה זעהט אויס געגין אדם אזוי ווי אמאלפע געגין אמענטש . אדם זעהט אויס געגין דיא שכינה . אזוי וויא אמאלפע געגין אמענטש . דיא שיינקייט פון רב כהנא איז גיוועזן אביסול וויניגער וויא דיא שיינקייט פון רב . אונ דיא שיינקייט פון רב איז גיוועזן אביסול וויניגער וויא דיא שיינקייט פון רבי אבהו . אונ דיא שיינקייט פון רבי אבהו איז גיוועזן אביסול וויניגער ווי די שיינקייט פון יעקב אבינו . אונ די שיינקייט פון יעקב אבינו איז גיוועזן אביסול וויניגער וויא דיא שיינקייט פון א"ם הראשון . עס איז גיוועזן אמכשף וואס ער פלעגט אויף גראבין די טויטע אונ פלעגט אפ ציהען זייערע קליידער . אמאהל

טובי בר מתנה תפסיה בדיקניה אתא אביי א"ל בםטותא מיניה דמר שבקיה לשנה אחריתי הדר אתא תפסיה בדיקניה הדר אתא אביי ולא שבקיה עד דאייתי מספרא וגזייה לדיקניה:

ד ההוא (גברא) דאמר להו חביתא דעפרא לחד בראי. חביתא דגרמי לחד בראי חביתא דאודרא לחד בראי. לא הוו ידעי מאי קאמר להו אתו לקמיה דר' בנאה אמר להו אית לכו ארעא אמרו ליה אין אמר להו אית לכו חיותא אין אית לכו ביסתרקי אין אי הכי הכי קאמר לכו:

ח ההוא גברא דשמעה לדביתהו דקא אמרה לברתה אמאי לא צניעת באיסורא הך אתתא עשרה בני אית לה ולית לי מאביך אלא חד כי שכיב אמר כל נכסי להד ברא ולא ידעו להי מינייהו (פקיד) אתו לקמיה דר' בנאה א"ל זילו חבוטו קברא דאבוכון עד דקאי ומגלי לכו להי מינייכו שבק אזלו כולהו ההוא דבריה הוה לא אזל

מבגדיהם: אתא אביי. הוא בשביל שהיה אוכלו של הנכרי:
ההוא דאמר לכו. מצוה מחמת מיתה היה ומחלק נכסיו לבניו על פיו: חביתא דעפרא. אני מניח לאחד מבני ודרך חכמה אמר שלא יבינו שכל ההוא עשיר ובעל נכסים: חביתא דגרמי. חבית מלאה עצמות: אודרא. מוכין: אית לכו ארעא. כשתייר לכם קרקע מאביכם דא"כ היינו חביתא דעפרא והבהמות שיש בהן עצמות וזה חביתא דגרמי: ביסתרקי. וכל מיני בגדים עשוין ממוכין: (אמאי לא צניעת באיסורא. כלומר תעביד איסורך בצינעא): לחד ברא. לאחד מבניו אותו שיכתבו ב"ד: חבוטו. הכו הכאות על קברו ולנסותן מתכוון שאותן שהם ממזרים עזי פנים הם וילכו על קברו לחבוט: א"ל כולהו נכסי דהאי. שלא רצה לחבוט על קבר אביו והוא צנוע שבכם ומסתברא דלזה אהב יותר ויפה דן ר' בנאה דלא שייך הכא אלא שודא דדייני והיינו שודא שלא רצה לחבוט דומיא

איז דֶער מְכַשֵּׁף גִיקוּמֶען צוּם קֶבֶר פוּן רַב טוֹבִי בַּר מַתָּנָה אוּנ עֶר הָאט גֶיעֶפִינְט דֶעם קֶבֶר. הָאט רַב טוֹבִי אָן גֶינוּמֶען דִיא בָּארְד פוּן מְכַשֵּׁף אוּנ הָאט אִים נִיט גִיוָואלְט אָפּ לָאזִין. אִיז גִיקוּמֶען אַבַּיֵי אוּנ הָאט גִיזָאגְט צוּא רַב טוֹבִי אִיךְ בֶּעט דִיךְ לָאז אִים אָפּ. הָאט רַב טוֹבִי אִיהם אָפּ גִילָאזְט. אוֹיף דֶעם אַנְדֶערִין יָאהר אִיז וִוידֶער גִיקוּמֶען דֶער מְכַשֵּׁף אוּנ הָאט גִיעֶפִינְט דֶעם קֶבֶר פוּן רַב טוֹבִי בַּר מַתָּנָה. הָאט רַב טוֹבִי אָן גֶענוּמֶען דִיא בָּארְד פוּן מְכַשֵּׁף. אִיז וִוידֶער גִיקוּמֶען אַבַּיֵי בֶּעטִין פַאר דֶעם מְכַשֵּׁף מֶען זָאל אִים אָפּ לָאזִין. הָאט רַב טוֹבִי אִים נִיט גִיוָואלְט אָפּ לָאזִין בִּיז מֶען הָאט גִימוּזְט בְּרֵיינְגֶען אַשֶׁערִיל אוּנ מֶען הָאט אָפּ גֶעשׁוֹרִין דִיא גַאנְצֶע בָּארְד פוּן מְכַשֵּׁף:

ד הַהוּא. אַקְרַאנְקֶער מֶענְטְשׁ הָאט אַמָאהל צוּא טֵיילְט זַיין פַאר מֶעגִין פַאר זַיין טוֹיט אוּנ עֶר הָאט גִיזָאגְט אַפַּאס עֶרְד גִיבּ אִיךְ צוּא דֶעם זוּהן. אַפַּאס בֵּיינֶער גִיבּ אִיךְ צוּא דֶעם זוּהן. אַפַּאס פֶעדֶערִין גִיבּ אִיךְ צוּא דֶעם זוּהן. אוּנ עֶר אִיז גִישְׁטָארְבִּין. הָאבִּין דִיא קִינְדֶר נִיט גִיוָואסְט וָואס דֶער פָאטֶער הָאט צוּ זֵייא גִיזָאגְט; זֶענֶען זֵייא גִיקוּמֶען פַאר רַבִּי בַּנָאָה פְרֶעגִין וָואס דֶער פָאטֶער הָאט גִימֵיינְט. הָאט רַבִּי בַּנָאָה צוּא זֵייא גִיזָאגְט הָאט אִיר פֶעלְדֶער. הָאבִּין זֵייא גִיזָאגְט יָא. הָאט אִיר בְּהֵמוֹת. הָאבִּין זֵייא גִיזָאגְט יָא. הָאט אִיר בֶּעטְגֶעוַואנְט. הָאבִּין זֵייא גִיזָאגְט יָא. הָאט רַבִּי בַּנָאָה צוּא זֵייא גִיזָאגְט אוֹיבּ אַזוֹי וֵוייס אִיךְ שׁוֹין וָואס אַייעֶר פָאטֶער הָאט גִימֵיינְט. אֵיינֶער זָאל נֶעמֶען פֶעלְדֶער (דָאס אִיז דִיא פַאס עֶרְד). אֵיינֶער זָאל נֶעמֶען בְּהֵמוֹת (דָאס אִיז דִיא פַאס בֵּיינֶער). אֵיינֶער זָאל נֶעמֶען בֶּעטְגִיוַואנְט (דָאס אִיז דִיא פַאס פֶעדֶרִין):

ה הַהוּא. אַמֶענְטְשׁ הָאט אַמָאהל גִיהֶערְט וִויא זַיין וַוייבּ זָאגְט צוּ אִיר טָאכְטֶער פַאר וָואס בִּיזְטוּ נִיט מַזְנָה אִין דֶער שְׁטִיל. קֵיינֶער זָאל נִיט ווִיסֶען: אִיךְ הָאבּ צֶעהֶן קִינְדֶער אוּנ פוּן דַיין פָאטֶער הָאבּ אִיךְ נָאר אֵיינֶעם. אֵייְדֶער עֶר אִיז גִישְׁטָארְבִּין הָאט עֶר גִיזָאגְט מַיין גַאנְץ פַאר מֶעגִין זָאל גִיהֶערִין צוּא אֵיין זוּהן. אוּנ עֶר הָאט נִיט גִיזָאגְט צוּא וֶועלְכִין. אוּנ עֶר אִיז גִישְׁטָארְבִּין. הָאט מֶען נִיט גִיווּאוּסְט צוּא וֶועלְכִין קִינְד זָאל מֶען גֶעבִּין דֶעם פַאר מֶעגִין. אִיז מֶען גִיקוּמֶען פַאר רַבִּי בַּנָאָה פְרֶעגִין וָואס מֶען זָאל טָאהְן. הָאט רַבִּי בַּנָאָה גִיזָאגְט צוּא דִיא קִינְדֶער גֵייט קְלַאפְּט מִיט שְׁטֶעקִינְס אוֹיף אַייעֶר פָאטֶערְס קֶבֶר עֶר זָאל אוֹיף שְׁטֵיין אוּנ זָאל אַייךְ זָאגִין צוּא וֶועלְכִין פוּן אַייךְ הָאט עֶר גִיגֶעבִּין דָאס פַארְמֶעגִין. זֶענֶען אַלֶע קִינְדֶער גִיגַאנְגֶען קְלַאפִּין מִיט שְׁטֶעקִינְס אוֹיף דֶעם קֶבֶר. דֶער וָואס אִיז גִיוֶוען אַאֶמֶתֶר זוּהן אִיז נִיט גִיגַאנְגֶען. הָאט רַבִּי בַּנָאָה גִיזָאגְט מֶען

אזל א"ל כולהו נכסים דהאי. אזלו אכלו קורצא בי מלכא אמרי איכא גברא חד ביהודאי דקא מפיק ממונא דאינשי בלא סהדי ובלא מידי אתיוהו חבשוהו אולה דביתהו אמרה להו לבי מלכא עבדא חד הוה לי פסקי לרישיה ופשטו למשכיה ואכלו בשריה וקא מלו ביה מיא ומשקי ביה לחברייא ולא קא יהבו לי דמיה ולא אגריה לא ידעי מאי קאמרה להו אמרי ניתי לחכימא דיהודאי ולימא קריוהו לרבי בנאה אמר זרונקא אמרה לכו אמרי הואיל וחכים כולי האי ליתב אבבא ונידון דינא חזא דהוה כתיב (אבבא דאבולא) [באבולא] כל דיין דמתקרי לדין לא שמיה דיין אמר להו אלא מעתה אי אתא אינש מעלמא (ע"ב) ומזמין ליה לדינא לאו שמיה דיין אלא כל דיין דאיתקרי לדין ומפקין מיניה ממונא בדין לאו שמיה דיין כתבי הכי ברם סבי דיהודאי אמרי כל דיין דמתקרי לדין ומפקין מיניה ממונא בדין לאו

דספא דאמר נכסי נטופי׳ : אזלו . ע׳ הא היס : אכלו ביה קורצא, הלשינו עליו : אולה דביתהו . דר׳ בנאה לצעוק אל המלך ולשון חכמה כדי שלא יכירו שם אלא ע״י בעלה : ואכלו בשריה . של עבד זקא מלו ביה מיא. שואבין מים בעורו : ומשקו ביה מיא . בעורו : לחברייא . לבני היסיבה : לחכימי דיהודאי . ר׳ בנאה : זרונקא . נאד של עור וכך אמרה חיה היה לי וגזלוהו ממני ופשטוהו ואכלו הבשר ומן העור עשו חמת ושואבין בו מים ומשקין בו : באבולא . על דלתות השער היה כתוב בו כדי שי למדו מפס ב"ה : כל דיין המיוחד לדון דיני העיר וזמנין דמתקרי לדינא שתובעין אותו לדין על ממון שתובעין ממנו : לאו שמיה דיין . ופסול לדין דכיון דהשכב כלע יקבל שחד : ומזמין ליה לדינא . שלא כדין ויצא מן הדין זכאי : דמפקין מיניה ממונא בדינא לאו שמיה דיין . דגזלן פסול לדון שיעוות

זאל אוועק געבין דאס גאנצע פארמעגין צוא דעם זוהן וואס איז ניט גיגאנגען שלאגין אויף זיין פאטערס קבר . זענען גיגאנגען די קינדער אונ האבין גימסרת פאר דעם מלך : אונ זייא האבין גיזאגט עס איז דא איין מענטש צווישען די יודין וואס ער נעמט געלט פון מענטשין אן עדות אונ אן אבעווייזונג . האט מען גיבריינגט רבי בנאה אונ מען האט אים גיבונדען אונ איין גיזעצט אין תפיסה . איז גיגאנגען די ווייב פון רבי בנאה אונ האט גיזאגט פאר דעם מלך אחכמה וואס קיינער זאל ניט פארשטיין וועט מען מוזין פרעגין בייא איר מאן . וועט ער גרוים ווערין בייא דעם מלך. אונ זיא האט אזוי גיזאגט איך האב גיהאט אקנעכט אונ מען האט אפ גיהאקט זיין קאפ . אונ מען האט אפ גיצויגין זיין פעל . אונ מען האט אויף גיגעסין זיין פלייש . אונ מיט די פעל זיינע שעפט מען וואסער . אונ די וואסער גיט מען טרינקען די מענטשין פון דער ישיבה . אונ מען גיט מיר ניט קיין געלט פאר דעם קנעכט. אונ מען גיט מיר ניט קיין ניין געלט פאר די פעל . האט קיינער ניט גיוואוסט וואס זיא האט גיזאגט ; האבין די מענטשין פון מלך גיזאגט מען זאל בריינגען דעם קליגסטען פון די יודין וועט ער זאגין וואס זיא מיינט : האט מען גירופין רבי בנאה. האט רבי בנאה גיזאגט זיא האט אייך גיזאגט אלאגיל (זיא האט גיהאט אשעפס . האט מען אים גיגזלת פון איר אונ מען האט אים גישאכטין אונ מען האט אויף גיגעסין די פלייש אונ פון די פעל האט מען גימאכט אלאגיל אונ מיט דעם לאגיל שעפט מען וואסער אונ מען טרינקט פון אים). האבין די מענטשין פון מלך גיזאגט ווייל ער איז אזוי קלוג . זאל ער זיצען בייא דעם טויער וואו די דיינים זיצען אונ זאל אויך זיין אדיין . האט רבי בנאה גיזעהן עס איז אויף גשריבען אויף דעם טויער דער דיין וואס אמענטש מאנט ביי אים געלט אונ ער רופט אים צום משפט אפילו ער וועט גירעכט זיין טאר ער שוין ניט זיין קיין דיין . האט רבי בנאה גיזאגט צוא די דיינים אויב אזוי וועט זיין . אז אמענטש פון דער וועלט וועט וועלין פסול מאכין אדיין . וועט ער מאנען געלט בייא דעם דיין אונ וועט איהם רופין צום משפט . וועט ער שוין ניט טארין זיין קיין דיין . אפילו ער וועט גירעכט זיין . נאר אזוי זאלט איר שרייבין דער דיין וואס מען מאנט בייא אים געלט אונ ער וויל ניט בצאהלין . אונ מען רופט אים צום משפט . אונ די דיינים פסקנין ער זאל בצאהלין אונ ער בצאהלט ניט ; נאר די דיינים נייטין אים ער זאל בצאהלין . טאר ער שוין ניט זיין קיין דיין . האבין זייא אזוי אויף געשריבען. די יודישע אלטע לייט זאגין דער דיין וואס מען מאנט בייא אים געלט אונ ער וויל ניט בצאהלין . אונ מען רופט אים צום משפט אונ די דיינים נייטין אים ער זאל בצאהלין . טאר ער שוין ניט זיין קיין דיין . נאך האט רבי בנאה גיזעהן עס שטייט געשריבען

לאו שמיה דיין חזא דכתיב ביה בראש כל מותא אנא דם בריש כל חייא אנא חמר אמר להו אלא מע"ה דנפל מאיגרא ומית דנפל מדיקלא ומית דמאי קטליה ותו מאן דדרכיה למימת משקו ליה חמרא והוי אלא הכי בעי למיכתב בריש כל מרעין אנא דם בריש כל אסוון אנא חמר כתבו הכי ברם סבי דיהודאי אמרי בריש כל מרעין אנא דם בריש כל אסוון אנא חמר באתר דלית חמר תמן מיתבעי סמנין:

(דף נט) ן אמר רב יהודה אמר שם אל צינור המקלח מים לחצר חבירו ובא בעל הגג לסתמו בעל החצר מעכב עליו דא"ל כי היכי דאת קנית לך חצר דידי למישדא ביה מיא לדידי נמי קני לי מיא דאיגרך איתמר רבי אושעיא אמר מעכב רב חמא אמר אינו מעכב אזל שייליה לרבי ביסא א"ל מעכב קרי עליה רמי בר חמא (קהלת ד) והחוט המשלש לא במהרה ינתק זה ר' אושעיה בנו של ר' חמא בנו של ר' ביסא:

כדין בשביל שהר : בריש כל מותא אנא דם . ראש לכל המיתות הוא הדם שאין אדם מת אלא ע"י רוב דם שלא הקיז בזמן הראוי לו : בריש כל חיין אנא חמר . שהיין מחזק כל חושיו : דדרכיה למימת . כהון גושה : בריש כל מרעין אנא דם . כל תחלואי שאדם ע"י הדם הם באים שלא הקיז : בריש כל אסוון . כו' שאם שתאו כמדהו וכראוי לו לא יבא לידי חולי : תמן מתבעין סמנין . שם מבקשין סמנים לרפואה שבמקום שאין יין מצויין החלואים . צינור . של שופכין : לדידי נמי קני לי מיא דאיגרך להשקות בהמותי שעל מי"ה כן נהלאיתי לך ודמי למקח וממכר שאני שעבדתי לך הגג בשביל מימיך ואם אתה חוזר בך אני לא אחזור בי : מעכב . על בעל הגג : אינו מעכב . דלא שעבד לו מימיו אלא כל ימי שיהיו יורדין לחצרו : אזל שיילוהו לרבי ביסא . אביו של רבי חמא וזקנו של רבי אושעיא : לא במהרה ינתק. כדדרשינן נמי מפיך מפי זרעך ומפי זרע זרעך וגו' מדור שלישי ואילך תורה מחזרת לאכסניא שלה : זה רבי אושעיא . שאמר כזקנו :

אויף דעם טויער בראש כל מותא אנא דם . איך בלוט ברייננ אלע מענטשין צום שטארבין . בריש כל חייא אנא חמר . איך וויין ברייננ אלע מענטשין צום לעבין . האט רבי בנאה געזאגט וויא איז אז איינער פאלט אראפ פון אבוידים אונ שטארבט . אדער ער פאלט אראפ פון אבוים אונ שטארבט . וועט מען אויך זאגין אז דיא בלוט האט אים גיהרגת . אדער דער וואס האלט ביי דעם שטארבין ער איז אגוסס וועט מען אים געבין טרינקען וויין . וועט ער לעבין . נאר אזוי דארף מען שרייבין דער הויפט פון אלע קראנקייט איז בלוט . דער הויפט פון אלע מעדיצינען איז וויין . האט מען אזוי געשריבען . דיא יודישע אלטע לייט זאגין דער הויפט פון אלע קראנקייט איז בלוט דער הויפט פון אלע מעדיצינען איז וויין . אויף דעם ארט וואו עס איז ניטא קיין וויין דארט דארף מען מעדיצינען :

ן אמר . רב יהודה האט געזאגט פון שמואלס וועגין א רינע וואס פון איר גיסט וואסער אין דעם חברס הויף . למשל דער דאך פון ראובנס שטוב גייט אריין אין שמעונס הויף . אונ ביי דעם דאך איז גיוועזן א רינע . אז עס האט גירעגינט אויף דעם דאך איז דורך דיא רינע אריין גיגאנגען גיוואריין דיא וואסער אין שמעונס הויף . אונ דער בעל הבית פון דאך (ראובן) . וויל פר מאכען דיא רינע . קען דער בעל הבית פון הויף (שמעון) . אים ניט לאזין פאר מאכען . ווארום שמעון קען זאגין צוא ראובן אזוי וויא דוא האסט גיקויפט מיין הויף דיא וואסער פון דיין דאך זאל אריין גיגאסען ווערין אין מיין הויף אזוי האב איך גיקויפט דיא וואסער פון דיין דאך . מיר האבען גילערנט רבי אושעיא זאגט שמעון קען נייטין ראובן ער זאל ניט צוא נעמען דיא רינע רב חמא זאגט שמעון קען ניט נייטין ראובן דיא רינע זאל בלייבען ביי דעם דאך . נאר אז ראובן וויל נעמט ער צוא דיא רינע . איז מען גיגאנגען פרעגין ביי רבי ביסא וויא דער דין איז (רבי ביסא איז גיוועזן דער פאטער פון רבי חמא אונ דער זיידע פון רבי אושעיא) . האט רבי ביסא גזאגט שמעון קען פאר האלטען דיא רינע ביי דעם דאך (אזוי וויא רבי אושעיא זאגט) . האט רמי בר חמא גילייענט אויף רבי אושעיא דעם פסוק אפאדים וואס ער איז גיפלאכטען אין דרייען וועט ער ניט געשווינד איבער גערייסען ווערין . דאס מיינט מען רבי אושעיא דער זוהן פון רבי חמא וואס רבי חמא איז דער זוהן פון רבי ביסא . דריי תלמידי חכמים צוא זאמען וועט דיא תורה ניט אוועק גערייסען ווערין פון זייא . אזוי וויא מיר זעהן רבי אושעיא האט גילערנט אזוי וויא רבי ביסא :

(דף ס) ז ומשנה לא יפתח אדם לחצר השותפין פתח כנגד פתח וכו'. גמ' מנהני מילי א"ר יוחנן דאמר קרא (במדבר כד) וישא בלעם את עיניו וירא את ישראל שוכן לשבטיו מה ראה ראה שאין פתחי אהליהם מכוונים זה לזה אמר ראויין הללו שתשרה עליהם שכינה:

ט רבי ינאי הוה ליה אילן הנוטה לרה"ר הוה ההוא גברא דהוה ליה נמי אילן הנוטה לרה"ר אתו בני רה"ר הוו קא מעכבי עילויה אתא לקמיה דרבי ינאי א"ל (ע"ב) זיל האידנא ותא למחר בליליא שדר קצייה להההוא דידיה למחר אתא לקמיה א"ל זיל קוץ א"ל הא מר נמי אית ליה א"ל זיל חזי אי קוץ דידי קוץ דידך אי לא קוץ דידי לא תקוץ את מעיקרא מאי סבר ולבסוף מאי סבר מעיקרא סבר ניחא להו לבני רה"ר דיתבי בטוליה כיון דחזא דקא מעכבי שדר קצייה ולימא ליה זיל קוץ דידך

פירוש

וירא את ישראל שוכן. ראה שהיו שוכנים לפי שבטים אמר מה טובו אוהליך שאין פתחי אהליהם מכוונים. [דמהני ישראל כאלו שותפין דמי דלא היה רשות שבטים אלא מחנה גדול כדאמרי' במסכת שבת דף צו]: אמר ראויין הללו. מדכתיב בתר מה טובו אוהליך קא דייק:

[הוו מעכבי עלויה. בני רה"ר שנופיו מזיקין לגמל ורוכבו]: זיל האידנא. שהיה רוצה לקצוץ עצמו תחלה כדלקמן: אי קוץ דידי. אם שלי קצוץ כבר: כיון דחזי דמעכבי. הבין שבשביל כבודו שותקין על שלו: ולימא ליה זיל קוץ וכו'. ולמאי

ז משנה. לא. אמענטש זאל ניט עפענען אין אשיתפותדיגען הויף אטיר געגין אטיר. צווייא בעלי בתים וואס יעדער באזונדער וואוהנט אין זיין וואוהנונג: זאל מען ניט עפענען אטיר געגין אטיר. איינער זאל ניט זעהן וואס ביא זיין חבר אין שטוב איז. זאגט דיא גמרא פון וואנען ווייסען מיר דאס. האט רבי יוחנן גזאגט ווארום עס שטייט אין פסוק בלעם האט אויף גיהויבען זיינע אויגען אונ ער האט גיזעהן וויא דיא יודין רוהען יעדער שבט באזונדער. וואס פאר אגרויסע זאך האט בלעם גיזעהן אויף דיא יודין. ער האט גיזעהן אז דיא טירען פון זייערע גיצעלטין זענען ניט גלייך איינס געגין דאס אנדערע. האט בלעם גזאגט דיא מענטשין זענען ווערט דיא שכינה זאל רוהען אויף זייא:

ח רבי ינאי האט גיהאט אבוים וואס דיא צווייגין זענען גיווען אויס גיבויגען אין גאס אריין. נאך אמענטש איז גיוועזן אין דער גאס וואס ער האט אויך גיהאט אבוים וואס די צווייגן זענען גיוועזן אויס גיבויגען אין גאס אריין. זענען גיקומען דיא מענטשין פון גאס אונ האבען אים ניט גילאזט האלטען דעם בוים. נאר ער זאל אפ האקין דיא צווייגין. איז דער מענטש גיקומען פאר רבי ינאי פרעגין אויב דער דין איז אז ער זאל אפ האקין דיא צווייגן. האט רבי ינאי צו אים גזאגט גיי איצט אונ קום מארגין. ביי נאכט האט רבי ינאי געשיקט אמענטשין אונ ער הט אפ גיהאקט דיא צווייגען פון זיין בוים. אויף מארגין איז דער מענטש גיקומען פאר רבי ינאי. האט רבי ינאי צו אים גזאגט גיי האק אפ דיא צווייגען פון דיין בוים. האט דער מענטש גזאגט צוא רבי ינאי דער רבי האט דאך אויך אבוים וואס דיא צווייגען זענען אויס געבויגין אין גאס אריין. האט רבי ינאי גזאגט צוא דעם מענטש גיי זעה אויב דיא צווייגען פון מיין בוים זענען אפ גיהאקט. זאלסטו אפ האקין דיא צווייגין פון דיין בוים אויך. אויב דיא צווייגען פון מיין בוים זענען ניט אפ גיהאקט גיווארין. זאלסטו דיינע צווייגען אויך ניט אפ האקין. פרעגט דיא גמרא וואס הט רבי ינאי פריער גימיינט וואס ער האט ניט גיהייסען אפ האקין. אונ וואס האט ער איצט געמיינט וואס ער האט יא גיהייסען אפ האקין. ענטפערט דיא גמרא פריער הט רבי ינאי געמיינט אז די מענטשין פון גאס זענען צו פרידען פון דעם אויס געבויגענעם בוים. ווייל זיצען אונטער זיין שאטען. וויא רבי ינאי הט גיזעהן אז דיא מענטשין פון שטאט ווילען ניט אבוים וואס די צווייגען זענען אויס גיבויגען אין גאס. ווילען זיי דאך זיין בוים אויך ניט. נאר זייא שעמען זיך אים צוא זאגין ער זאל אפ האקין דיא צווייגען פון זיין בוים. האט ער געשיקט אמענטשין ער זאל אפ האקין די צווייגין פון זיין בוים אויך. פרעגט דיא גמרא פאר וואס האט רבי ינאי ניט גזאגט צו דעם מענטש האק דוא פריער אפ דיינע צווייגן דער נאך וועל איך אפ האקין

דידך והדר אקוץ ד״די משום דר״ל דאמר (צפניה ב) התקוששו וקושו קשוט עצמך ואחר כך קש״ט אחרים :

ת״ר משחרב הבית (באחרונה) [בשניה] רבו פרושין בישראל שלא לאכול בשר ולא לשתות יין נטפל להם ר׳ יהושע אמר להן בני מפני מה אין אתם אוכלים בשר ואין אתם שותים יין אמרו לו נאכל בשר שבמנו מקריבין על גבי המזבח ועכשיו בטל ונשתה יין שממנו מנסכים על גבי המזבח ועכשיו בטל אמר להם אם כן לחם לא נאכל שכבר בטלו מנחות . אפשר בפירות . פירות לא נאכל שכבר בטלו בכורים . אפשר בפירות אחרים. מים לא נשתה שכבר בטלו נסוך המים שתקו . אמר להם בני בואו ואומר לכם שלא להתאבל כל עיקר אי אפשר שכבר נגזרה גזרה ולהתאבל יותר מדאי אי אפשר שאין גוזרין גזירה על הצבור אלא אם כן רוב הצבור יכולים לעמוד בה (אמר רב אדא בר אהבה מאי קראה) דכתיב (מלאכי ג) במארה אתם נארים ואותי אתם קובעים הגוי כולו (אי איכא גוי כילו אין אי לא לא) אלא כך אמרו חכמים

אמר ליה זיל הליהא וכו׳ : התקוששו . השר קש מבין עיניך תחלה [כמו לקושט קש] כלומר קשוט עצמך :

אפשר בפירות . ויפה אמרת ונפרוש גם מן הנהם : בפירות אחרים . שאין מביאים בכורים אלא משבעת המינים : שכבר נגזרה גזירה חורבן ונתחייבנו להתאבל כדכתיב שישו אתה משוש כל המתאבלים עליה : במארה אתם נארים . קבלתם עליכם בגזירות ארור להביא המעשר אל בית האוצר כדכתיב במלאכי הביאו את כל המעשר אל בית האוצר וגו׳ ואעפ״כ אותי אתם קובעים גוזלין את המעשר והתרומה כדכתיב התם ואמרתם במה קבענוך המעשר והתרומה : הגוי כלו . כל הקהל כולו קבלו זאת הגזרה ומשמע אם לא היו כולם יכולין לעמוד בה לא היו מסכימים ורובו ככולו אלמא לא תגזור

מײנע צװײגען . ענטפערט די גמרא װײל ר״ש לק״ש האט געזאגט עם שטײט אין פסוק התקוששו וקושו . איז דער טײטש פריער ציר דיך . דער נאך װעסטו צירען אנדערע . פ״ יער זעה דוא זאלסט ניט טאהן עבירות . דער נאך װעסטו שטראפין אנדערע מענטשין זײ זאלין אויך ניט טאהן עבירות :

ת תנו רבנן : די רבנן האבען געלערנט װען דער אנדערער בית המקדש איז חרוב געװארין . זענען געװען בײ יודין פיל מענטשין װאס האבען זיך אפ געשײדט זײא זאלין ניט עסין פלײש אונ ניט טרינקען װײן . האט רבי יהושע זיך בהעפט צוא זײא אונ האט זײא גיפרעגט מײנע קינדער פאר װאס עסט איר ניט קײן פלײש אונ טרינקט ניט קײן װײן . האבען זײא געזאגט צוא רבי יהושע װי אזוי זאלין מיר עסין פלײש : פלײש פלעגט מען דאך מקריב זײן אויף דעם מזבח : אונ איצט איז ניטא דער מזבח . װיא אזוי זאלין מיר טרינקען װײן . װײן פלעגט מען גיסען אויף דעם מזבח . אונ איצט איז ניטא דער מזבח . האט רבי יהושע צו זײא געזאגט אויב אזוי זאלין מיר ברויט אויך ניט עסין . װארום פון מעל פלעגט מען מקריב זײן מנחות . אונ איצט איז מען שון ניט מקריב מנחות . האבען זײ געזאגט צו רבי יהושע דו ביסט גירעכט מען דארף טאקי ניט עסין קײן ברויט . אונ מען קען לעבין מיט פירות . הט רבי יהושע צו זײ געזאגט זאלין מיר פירות אויך ניט עסין . װארום פון פירות פלעגט מען ברײנגען בכורים . אונ איצט ברײנגט מען שון ניט בכורים . האבען זײא געזאגט מיר װעלין עסין אזעלכע פירות װאס פון זײא ברײנגט מען ניט בכורים . האט רבי יהושע צו זײ געזאגט זאלין מיר װאסער אויך ניט טרינקען . װארום מען פלעגט גיסען װאסער אויף דעם מזבח . אונ איצט איז שון ניטא דער מזבח . האבין זײ געשװיגען . האט רבי יהושע צו זײא געזאגט מײנע קינדער קומט איך װעל אײך זאגין . מען זאל גאר ניט טרויערין אויף ירושלים קען ניט זײן . װארום עס איז געװען א גזרה פון גאט דער בית המקדש זאל חרוב װערין דורך אונזערע זינד דארף מען טרויערין אויף דעם . צו פיל טרויערין קען מען אויך ניט . װארום מען איז ניט גוזר א גזרה אויף א װעלט מענטשין סײדין דאס מערסטע מענטשין קענען מקיים זײן די גזרה . אזוי װי עס שטײט אין פסוק איר זענט גיפלוכט געװארין מיט א פלוכונג אז איר זאלט געבין מעשר . אונ איר גזלת מיך . איר ברײנגט ניט דעם מעשר . די גאנצע פאלק אלע יודין האבין אויף זיך גינומען די גזרה זײ זאלין געבין דעם מעשר . זעהן מיר אויב די גאנצע פאלק קענען מקיים זײן

חכמים סד אדם את ביתו בסיד ומשייר ביה דבר מועט וכמה א"ר יוסף אמה על אמה א"ר חסדא וכנגד הפתח. עושה אדם כל צרכי סעודה ומשייר בה דבר מועט מאי היא א"ר פפא כסא דהרסנא ועושה אשה כל תכשיטיה ומשיירה דבר מועט מאי האי א"ר פפא בת צידעא שנאמר (תהלים קלז) אם אשכחך ירושלים וגו' תדבק לשוני לחכי וגו' מאי על ראש שמחתי א"ר יצחק זה אפר מקלה שבראש חתנים א"ל רב פפא לאביי היכא מנח לה א"ל במקום תפילין שנא' (ישעיה ס) לשים לאבלי ציון לתת להם פאר תחת אפר. וכל המתאבל על ירושלים זוכה ורואה בשמחתה שנאמר (שם סו) שמחו את ירושלים וגו' שישו אתה משוש כל המתאבלים עליה. תנא אמר רבי ישמעאל בן אלישע מיום שחרב בהמ"ק דין הוא שנגזור על עצמנו שלא נאכל בשר ולא נשתה יין אלא שאין גוזרין גזרה על הצבור אלא אם כן רוב הצבור יכולים לעמוד בה ומיום שפשטה מלכות שגוזרת עלינו גזירות קשות ומבטלת ממנו תורה ומצות ואין מנחת אותנו ליכנס לשבוע הבן

נז: אלא אם כן רובם יכולים לעמוד בה: אלא כן אמרו חכמים. כו' ומסקנא דמלתא דרבי יהושע הוא: כסא דהרסנא. קערה של מאכל דגים מטוגנים בשמן בסלת: בת צידעא. טיגפל"א שרגילות הנשים לסוד שם כדי להסיר את השער: אם אשכחך. אכולהו קאי: אפר מקלה. אפר כירה בשרופה כאש קרוי כן ומשום דהיכא נמי אפר פאר הוא לכך נקרא כן: פאר תחת אפר. מכלל שהיו רגילין ליתן אפר במקום פאר דהיינו תפילין כדכתיב פארך חבוש עליך: לשבוע הבן. מילה

דיא גזרה. איז מען אויף זיי גוזר. אונ אויב די גאנצע פאלק וועלין ניט קענען מקיים זיין דיא גזרה נאר אביסול מענטשין וועלין קענען מקיים זיין דיא גזרה. איז מען ניט גוזר אויף זיי די גזרה. אונ דאס מערסטע פאלק איז גלייך וויא דיא גאנצע פאלק. אויב דאס מערסטע פאלק קענען ניט מקיים זיין דיא גזרה איז מען ניט גוזר. נאר אזוי האבען דיא חכמים גזאגט אז אמענטש קאלכט אוים זיין שטוב מיט קאלך. זאל ער אשטיקול לאזין ניט געקאליכט: ווי פיל זאל זיין דיא שטיקול. האט רב יוסף גזאגט אאייל דיא ליינג אויף אאייל דיא ברייט: רב חסדא זאגט דאס זאל זיין געגין דיא טיר. אמענטש מעג אן גרייטן אלע ערליי עסינווארג אויף אסעודה. אקליינקייט זאל ער פאר פעלין. וואס זאל זיין דיא קליינקייט. רב פפא זאגט פיש גיפרעגילט מיט מעל אונ מיט זייער פעטס. אז ער לאזט דאס איבער. איז אויך גענוג. אאשה מעג אן קליידען איר אלע צירונג נאר אקליינקייט זאל זיא איבער לאזין. וואס איז דאס קליינעקייט. רב פפא זאגט בת צידעא. דיא האר וואס ביי דיא שלייפין זאל זיא ניט אראפ נעמען. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אויב איך וועל דיך פאר געסין ירושלים. זעהן מיר אז מען טאר ניט פר געסין אן ירושלים. אין פסוק שטייט איך וועל אויף ברייננגען ירושלים אויף מיין הויפט שמחה. רבי יצחק זאגט דאס מיינט מען דיא אש וואס מען לייגט ארויף אויף דיא קעפ פון דיא חתנים: רב פפא האט מאנט צוא אביי אויף וועלכין ארט אויף דעם קאפ לייגט מען דיא אש: האט אביי גזאגט אויף דעם ארט וואו דיא תפלין ליגען. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק מען זאל טאהן צו די וואס טרויערין אויף ציון מען זאל געבין דאס שיינקייט [דיא תפלין] אויף דעם ארט וואו דיא אש איי גילעגין: זעהן מיר אז דיא אש ליגט אויף דעם ארט פון די תפלין. אונ דער וואס טרויערט אויף ירושלים וועט ער זוכה זיין צוא זעהן איר שמחה. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק איר זאלט אייך פרייען מיט ירושלים. איר זאלט אייך פרייען מיט ירושלים אלע וואס האבן גיטרויערט אויף איר. מיר האבען גילערנט רבי ישמעאל בן אלישע האט גזאגט פון דעם טאג וואס דער בית המקדש איז חרוב גיווארין וואלט גיוועזען דער דין מיר זאלין גוזר זיין אויף אונז מיר זאלין ניט עסין פלייש אונ מיר זאלין ניט טרינקען וויין: נאר מען טאר ניט גוזר זיין אגזרה אויף יודין סיידין דאס מערכטע יודין וועלין קענען בשטיין ביי דיא גזרה. אונ ביי דיא גזרה מען זאל ניט עסין פלייש אונ ניט טרינקען וויין וועלין ניט קענען בשטיין דאס מערסטע יודין. דריבער האט מען ניט גוזר גיוועזען. אונ פון דעם טאג וואס דיא מלוכה פון אדום האט זיך פאר שפרייט אויף אונז וואס זיא איז גוזר אויף אונז שווערע גזרות. אונ זיא לאזט אונז ניט לערנען תורה.

הבן ואמרי לה לישוע הבן דין שנגזור על עצמנו שלא לישא אשה ולהוליד בנים ונמצא זרעו של אברהם אבינו כלה מאליו אלא הנח להם לישראל מוטב שיהיו שוגגין אל יהיו מזידין :

המוכר את הבית פרק רביעי

(דף סח ע"ב) **א** [משנה] המוכר את השדה מכר את האבנים שהן לצורכה כו' ולא את חרוב המורכב ולא סדן השקמה וכו' : (דף סח ע"ב) [גמ'] מה"מ אמר רב יהודה אמר רב דאמר קרא (בראשית כג) ויקם שדה עפרון אשר במכפלה וגו'

מי

שהוא לסוף שבעה : ונמצא זרעו של אברהם אבינו כלה מאליו . בענין טוב ולא על ידי נכרים ומגות לא יבטלו עוד : אלא הנח להם לישראל מוטב שיהיו שוגגין . כמה שליקחים נשים שאינם סבו' יש שיש איסור בדבר : ואל יהו מזידין . דגשו : דלא יכלו לעמוד בה יבטלוהו ונמצאו מזידין הלכך לא גזרינן : מה"מ . דחרוב המורכב וסדן השקמה אין נמכרין בכלל שדה וכיון דמשכחינן דאינן בכלל שדה ממילא ידעינן דאפי' אם אמר כל מה שבתוכה אין נמכרין כדקתני מתניתין בין כך ובין כך לא מכר כו דכל מה שבתוכה לא מהני אלא טפויי תשמישי דשדה וכו' : דכתיב ויקם שדה עפרון וגו' . עפרון מכר לו השדה לאברהם בסתמא כדכתיב נתתי כסף השדה וגו' וקא מהדר ליה עפרון ארץ ד' מאות וגו' ואפ"ה קנה אברהם כל האילנות כדכתיב ויקם שדה עפרון וגו' וכל העץ אשר בכל גבולו סביב על ידי קניית השדה סתם קנה גם את כל האילנות [והאי אשר בכל גבולו קרא יתירא הוא דמצי למיכתב וכל העץ אשר בשדה דהיינו מתוך גבולי השדה ולמידרש אתי מי שצריך לגבול אותן אילנות קנה שצריכין להיות להו גבול סביב בלא יערער אדם עליהם לומר בתוך שלי נטועים ושלי הם דהיינו כגון אילנות דקים שאין להם שם והדבר שכוח מי נטעם לפיכך צריך לעשות להם גבול סביב אבל כל חרוב המורכב וסדן השקמה גדולים וחשובים והוכח מילתייהו וידוע של מי הן ובקרקע מי הן נטועים ואי' נר' בין

און זיא לאזט אונז ניט היטען מצות און זיא לאזט אונז ניט אריין גיין צוא אברית מילה אנדערע זאגין זיא לאזט אונז ניט אריין גיין צו אפדיון אבן . וואלט גידארפט זיין מיר זאלין גוזר זיין אויף אונז מיר זאלין ניט נעמען ווייבער און מיר זאלין ניט געבארין קינדער . וועלין דיא קינדער פון אברהם אבינו פר לענדט ווערין פון זיך אליין . נישט דורך גוישע הענט . נאר מען דארף לאזין די יודין זאלין זייא טאהן וויא זייא טוהען . בעסער זאלין זייא טאהן עבירות אומגעוויסין (זייא נעמען ווייבער און ווייסען ניט אז עס איז אסור). אבער אז מען וועט אויף זייא גוזר זיין זייא זאלין ניט נעמען ווייבער . וועלין דאך שוין אלע וויסען אז מען טאר ניט נעמען ווייבער . און זייא וועלין יא נעמען . וועלין זייא דאך טאהן אעבירה (במזיד) געווין . איז דאך דיא עבירה גרעסער :

פרק רביעי

א משנה . המוכר . אז איינער האט פאר קויפט אפעלד האט ער פאר קויפט דיא שטיינער וואס מען דארף צוא דיא פעלד . אבער חרוב המורכב אאלטער באקסין בוים וואס ער איז אריין גיזעצט גיווארין אין איין אנדער ווארציל . איז ער ניט פאר קויפט . און סדן השקמה אאלטער פייגין בוים איז אויך ניט פאר קויפט . זאגט דיא גמרא פון וואנען ווייסען מיר אז דיא צוויי בוימער זענען ניט פאר קויפט מיט דיא פעלד : האט רב יהודה גזאגט פון רבם וועגין . ווארום עס שטייט אין פסוק דיא פעלד פון עפרון וואס אין איר איז דא דער געטאפילטער קעלער . דאס איז געבליבען צוא אפאר קויפונג צוא אברהם . און אלע בוימער וואס אין דעם גרענעץ וואס ארום . גיהער אויך צוא אברהם . זעהן מיר אפילו אברהם האט ניט מער גזאגט נאר ער קויפט דיא פעלד . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אברהם הט גזאגט איך האב גיגעבין דיא געלט פון דער פעלד . און עפרון האט אויך גזאגט אפעלד וואס איז ווערט פיר הונדערט מאקער . און פון בוימער האבען זייא ביידע גאר ניט גישמועסט פון דעם . וועגין זענען דיא בוימער אויך פאר קויפט גיווארין צוא אברהם . נאר צוא וואס שטייט אין פסוק די בוימער וואס אין גרענעץ וואס ארום גיהערין צו אברהם . צוא וואס איז דער מאנט דער ווארט גרענעץ . זאל שטיין אלע בוימער וואס אין דער פעלד גיהערין צו אברהם נאר דער פסוק דער ציילט אז ניט אלע בוימער גיהערין צו אברהם . דיא בוימער וום דארפין ארום אגרענעץ . מע זאל וויסען וועמעס זייא זענען . און אויף וועמעס ערד זייא זענען גיפלאנצט גיווארין . דיא גיהערין צוא אברהם .

מי שצריך לגבול סביב יצאו אלו שאין צריכין לגבול סביב אמר רב משרשיא מכאן למצרים מן התורה :

המוכר את הספינה פרק חמישי

(דף סג) **א מתני'** המוכר את הספינה מכר את התורן ואת הנס ואת העוגין ואת כל המנהיגין אותה וכו' : **גמ'** תורן איסקריא וכן הוא אומ' (יחזקאל כז) ארז מלבנון לקחו לעשות תורן עליך . נס אדרא וכה"א (שם) שש ברקמה ממצרים היה מפרשך להיות לך לנס . עוגין תני רבי חייא אלו עוגנין שלה וכה"א (רות א) הלהן תשברנה עד אשר יגדלו הלהן תעגנה לבלתי היות לאיש . מנהיגין א"ר אבא [אלון] המשוטין שלה וכה"א (יחזקאל כז) אלונים מבשן עשו משוטיך ואבע"א מהכא (שם) וירדו מאניתיהם כל תופשי משוט :

אמר

צריכין גבול הילכך אינן בכלל השדה סביב : מכאן למצרים מן התורה . שהקונה את השדה קנה את המצרים עמהן וכל האילנות הנטועים בו. ואי דמצרים בכלל שדה דהכי משמע סביב כל האילנות הנטועין בקרקע המיצר שהוא סביב השדה קנה אברהם] :
המוכר את הספינה . מתני' : תורן ונס ועוגין וכל המנהיגין . בגמרא מפרש : איסקריא . מפרש שפורסין עליו את הוילון ברחש הספינה : וכה"א ארז מלבנון גו' . ראיה לדבר דתורן דמתני' היינו אסקריא ש' יסקריא מארז או מאילן גבוה עושין אותה : אדרא . הוא הוילון שפורסין על התורן להוליך את הספינה ברוח . ווילו"א בלע"ז : וכה"א . דהיינו אדרא . מעשוי משמשים וקנבוס מין בגד : עוגנין אנקורא"ש של ברזל ומשליכין במים להעמיד הספינה במקום אחד : וכה"א דעיגון דמתני' לשון עיכוב הוא כדכתיב הלהן תעגנה כמו תעכבנה התעכבו מלהנשא לבעל אלמא עוגין דמתני' היינו עוגנין : משוטות . סקורין רימ"א במשוטטין בהן את הספינה : וכה"א אלונים מבשן עשו משוטיך . בספינה מיירי ביחזקאל וקחשיב המים הספינה וכליה ומדקחשיב המשוטות ש"מ דעיקר תשמישי הספינה הן ונמכרין בכלל הספינה והילכך אמרינן דכל המנהיגין דמתני' אתא לאשמעינן : כל תופשי משוט . אלמא עיקר הספינה ע"י תופשי משוטות דסד"א חבלים המושכין את הספינה ניהו עיקר מנהיגין אבל משוטות לא מודכני קמ"ל :

תור

אָבֶּער דֶער חְרוּב הַמוּרְכָּב אוּנ סַדַן הַשִׁקְמָה וָואס אָן דֶעם גְרֶענִיץ וָואס אַרוּם וַוייס מֶען אוֹיךְ וֶועמֶעס בּוֹימֶער זַייא זֶענֶען אוּנ אוֹיף וֶועמֶעס עֶרְד זַייא זֶענֶען גִיפְלַאנְצְט גִיוָוארִין . וַוייל זֵיי הָאבֶּען אַנאמְען אִין שְׁטָאט . דִיא בּוֹימֶער גִיהֶערִין נִיט צוּא אַבְרָהָם . נָאר צוּא עֶפְרוֹן . רַב מְשַׁרְשְׁיָא הָאט גִזָאגְט פוּן דַאנֶען וַוייסֶען מִיר אַז דִיא תּוֹרָה פַּסְקֶנְט אַז אַייֶנֶער קוֹיפְט אַפֶּעלְד . גִיהֶער דֶער גְרֶענֶעץ וָואס אַרוּם פֶּעלְד אוֹיךְ צוּא דִיא פֶּעלְד . אוּנ אוֹיבּ אוֹיף דֶעם גְרֶענֶעץ אַרוּם זֶענֶען גִיפְלַאנְצְט בּוֹימֶער . גִיהֶערִין דִיא בּוֹימֶער אוֹיךְ צוּא דֶעם וָואס הָאט גִיקוֹיפְט דִיא פֶּעלְד . אַזוֹ וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק וְכָל הָעֵץ אֲשֶׁר בְּכָל גְבוּלוֹ . אַלֶע בּוֹימֶער וָואס וַואקסְען אוֹיף דִיא אַלֶע פִיר גְרֶענֶעצִין סָבִיב . וָואס דִיא גְרֶענֶעצִין זֶענֶען אַרוּם דִיא פֶּעלְד . דָאס אִיז אַלְץ גֶעבְּלִיבֶּען צוּא אַבְרָהָם

פרק המישי

א הַמוֹכֵר . אַז עֶר הָאט פַאר קוֹיפְט אַשִׁיף הָאט עֶר פַאר קוֹיפְט דֶעם תוֹרֶן אוּנ דֶעם נֵס אוּנ דֶעם עוֹגִין אוּנ דִיא מַנְהִיגִין . זָאגְט דִיא גְמָרָא תוֹרֶן אִיז אִיסְקַרְיָא . דֶער מַאסְט . אוּנ אַזוֹי שְׁטֵייט אִין פָּסוּק אַמֶענְען בּוֹים פוּן וַואלְד הָאבֶּען זַייא גִנוּמֶען צוּא מַאכֶען אתוֹרֶן . נֵס אִיז אַפְּלַאכְטֶע וָואס אִיז פַאר שְׁפְּרֵייט אוֹיף דֶעם מַאסְט . אוּנ אַזוֹי שְׁטֵייט אִין פָּסוּק גִיוָועבְּטֶע לֵיינְוָואנְד פוּן מִצְרַיִם אִיז גִיוֶוען דַיין פַאר שְׁפְּרֵייטוּנְג עֶס זָאל זַיין אַנֵס . עוֹגִין . הָאט רַבִּי חִיָיא גִילֶערְנְט אִיז דֶער טַייטְשׁ פַאר בִּינְדוּנְג . וָואס עֶס פַאר בִּינְדט דִיא שִׁיף זִיא זָאל בְּלַייבֶּען שְׁטֵיין אוֹיף אִיר אָרְט ; דָס אִיז דֶער אַנְקֶער . אוּנ אַזוֹי שְׁטֵייט אִין פָּסוּק נָעֳמִי הָאט גִזָאגְט צוּא רוּת אוּנ צוּא עָרְפָּה אוֹיבּ צוּא זַייא וֶועט אִיר הָאפֶען בִּיז זַייא וֶוערִין גְרוֹיס וֶוערִין . הֲלָהֵן תֵּעָגֵנָה . אוֹיבּ דוּרְךְ זַייא וֶועט אִיר זַיין פַאר בּוּנְדֶען אִיר זָאלְט נִיט זַיין צוּא אַמַאן . אִיז תֵּעָגֵנָה אִיז דֶער טַייטְשׁ פַאר בּוּנְדֶען . מַנְהִיגִין . הָאט רַבִּי אַבָּא גִזָאגְט דָאס זֶענֶען דִיא וִוָואסְלֶעס וָואס מֶען שְׁטוּפְּט מִיט זַייא אִין דִיא וַואסֶער . אוּנ אַזוֹי שְׁטֵייט אִין פָּסוּק מֶען הָאט גִינוּמֶען בּוֹימֶער פוּן בָּשָׁן אוּנ מֶען הָאט פוּן זַייא גִימַאכְט מַשׁוּטִין . וִוָואסְלֶעס . אוּנ אוֹיבּ דוּא וִוילְסְט וֶועל אִיךְ דִיר זָאגִין פוּן דֶעם פָּסוּק זֵיי הָאבֶּען גֶענִידֶערְט פוּן זֵייעֶרֶע שִׁיפֶען דִיא אַלֶע מֶענְטְשִׁין וָואס הַאלְטֶען דֶעם מַשׁוּט . דִי וִוָואסְלֶעס ;

ב אמר רבה אשתעו לי נחותי ימא האי גלא דמטבע לספינתא מתחזי כי צוציתא דנורא חיורתי ברישא ומחינן לה באלוותא דחקיק עלה אהי"ה אשר אהי"ה י"ה ה' צבאות אמן אמן סלה ונייח:

ג אמר רבה (בב"ח) אשתעו לי נחותי ימא בין גלא לגלא תלת מאה פרסי ורומא דגלא תלת מאה פרסי זמנא חדא הוה אזלינן באורחא ודלינן גלא עד דחזינן בי מרבעתא דכוכבא זוטא דהויא כמבזר ארבעין גריוי ביזרא דחרדלא ואי דלינן טפי הוה מיקלינן מהבלא ורמיא לה גלא קלא לחברתה (ואמרה לה) חברתי מי שבקת מידי בעלמא דלא שטפתיה וניתי אנא ונחרביה אמר לה פוק חזי גבורתיה דמריך דאפילו כמלא חוטא דחלא לית דעבר שנאמר (ירמיה ה) האותי לא תיראו נאם ה' אם מפני לא תחילו אשר שמתי חול גבול לים חק עולם ולא יעברנהו:

ד אמר רבה (בר בר חנה) לדידי חזי לי הורמין בר ליליתא

אמר רבה וכו'. כל הני עובדי דקא חשיב משום מה רבו מעשיך ה' וקא להודיע מתן שכרן של צדיקים לעתיד לבא או לפרש מקראות האמורים בספר איוב המדברים בתופעות גדולות ובהמות ודגים גדולים שכל שיחת ת"ח צריכה תלמוד: דמטבע. שרוצה לטבוע: הוא ליה ברישא. בהולך לפניה: צוציתא דנורא חיורתי. אש לבנה ומלאך מזיק הוא: אלוותא. מקלות כמו לא בהלה ולא כרוגת בשבת: אמן אמן סלה. גרסינן: ונייח. מזעפו: בין גלא לגלא כו'. משום דאמרינן בסמוך ורמא גלא קלא לחברייה איצטריך לאשמעינן דמשלש מאות פרסה שמע קולו של חבירו: דלינן גלא. יותר משיעור גבהו הוליכנו למעלה עד לרקיע א"נ הגלא דרקיע נפיש עד מהלך קרוב לת"ק שנה שיש מן הרקיע לארץ: מרבעתיה. רביצו (ס"א שכבו): דכוכבא זוטא. כוכב קטן שבקטנים: ביזרא. בית זרע מ' כור של חרדל דנפישי מכל שאר זרעים: מקלינן מהבליה. נשרפים מחום הכוכב: ורמא ליה גלא. נתן קולו כלומר צעק כדוגמת תהום אל תהום קורא לקול וגו' ושמא המלאכים הממונים עליהם הם: שבקת מידי בעלמא וכו'. מפני שהגביה כ"כ היה סובר שיצא חוץ לשפת הים ושטף את העולם: ונחרביה. מפני עון הדור: א"נ. גלא לחבריה: פוק חזי גבורתא דמריך וכו'. כלומר אין לי רשות לצאת: כמלא חוטא דחלא. כמלא רוחב החוט איני יכול לצאת חוץ מן החול: כדאמר האותי לא תיראו. הגמרא קאמר לה:

הורמין. כמ"ן גרסינן משמועה אבא מרי ואני שמעתי הורמיז בזיי"ן וכך הוא כדאמרינן בסנהדרין מפלגך

ב אָמַר. רַבָּה הָאט גְזָאגְט דִיא מֶענְטְשִׁין וָואס פָארֶען מִיט שִׁיפֶען אוֹיף דֶעם יַם הָאבֶּען מִיר דֶער צֵיילְט. דֶער וַואל וָואס ווִיל דֶער טְרֵיינְקֶען אַשִׁיף. וֶוערְט פְרִיעֶר גִיזֶעהֶן אַשְׁטִיק פַייעֶר צְוַויישֶער וָואס עֶר גֵייט פָאר אוֹים פַאר דֶעם וַואל. וְדָאס אִיז דֶער מַלְאָךְ וָואס ווִיל דֶער טְרֵייְקֶען דִי שִׁיף. אוּנ מֶען שְׁלָאגְט אוֹיף דֶעם פַייעֶר מִיט שְׁטֶעקִינְס וָואס אוֹיף זֵייא אִיז גֶעקְרִיצְט דִי וֶוערְטֶער אֶהְיֶה אֲשֶׁר אֶהְיֶה יָה ה' צְבָאוֹת אָמֵן אָמֵן סֶלָה. וֶוערְט דֶער יַם רוּהִיג (אוּנ דֶער פַייעֶר מִיט דֶעם וַואל פַאלֶען אַרַיין צוּרִיק אִין וואַסֶער):

ג אָמַר. רַבָּה הָאט גְזָאגְט דִי מֶענְטְשִׁין וָואס פָארִין מִיט שִׁיפֶען אוֹיף דֶעם יַם הָאבֶּען מִיר דֶער צֵיילְט. פוּן אֵיין וַואל צוּם אַנְדֶערִין וַואל אִיז וַוייט דְרַיי הוּנְדֶערְט מַייל. אוּנ דִיא הֵייךְ פוּן וַואל אִיז אוֹיךְ דְרַיי הוּנְדֶערְט מַייל: אַמָאהל זֶענֶען מִיר גִיגַאנְגֶען אִין וֶועג (מִיט אַשִׁיף אוֹיף דֶעם יַם). הָאט אוּנְז אַוַואל אוֹיף גִיהוֹיבֶּען אַזוֹי הוֹיךְ בִּיז נָאנְט צוּם הִימֶעל: בִּיז מִיר הָאבֶּען גִיזֶעהֶן דֶעם אָרְט וואוּ דֶער קְלֶענְסְטֶער שְׁטֶערִין זִיצְט אִין הִימֶעל. דֶער אָרְט אִיז אַזוֹי גְרוֹים ווִי אַשְׁטִיק פְּלַאץ וָואס מֶען קֶען אוֹיף אִים פַאר זֵייעֶן פֶערְצִיג מָאס נכוּר. אכוּר אִיז דְרַייסִיג סְאָה: אַסְאָה פַר נֶעמְט פלאץ פוּפְצִיג אֵיילִין דִיא לֵייְנג אוֹיף פוּפְצִיג אֵיילִין דִיא בְּרֵייט: קֶערְנֶער פוּן חַרְדָל וֶוענֶעפְט (גַארְצִיצֶע). וֶוען דֶער וַואל וָואלְט אוּנְז הֶעכֶער אוֹיף גִיהוֹיבֶּען. וָואלְטִין מִיר פַאר בְּרֶענְט גִיוָוארִין פוּן דִיא הִיץ פוּן דֶעם שְׁטֶערִין. אוּנ מִיר הָאבֶּען גִיהֶערְט ווִיא אֵיין וַואל הָאט גֶעשְׁרִיגֶען צוּם אַנְדֶערִין וַואל. אוּנ הָאט גְזָאגְט צוּא אִיר. מַיין חֲבֶרְתָּה הָאסְטוּ עֶפֶּעס גִילָאזִין אוֹיף דֶער וֶועלְט וָואס דוּא הָאסְט נִיט פַאר פְלֵייצְט. וֶועל אִיךְ גֵיין דָאס פַאר פְלֵייצִין: הָאט דֶער אַנְדֶערֶער וַואל גְזָאגְט צוּ אִיר גֵיי זֶעה דִיא שְׁטַארְקַייט פוּן דַיין הַאר. אִיךְ טָאר נִיט אַרוֹיף גֵיין אוֹיף דֶעם זַאמְד וָואס אַרוּם יַם אֲפִילוּ אֵיין פָאדִים בְּרֵייט אוֹיךְ נִיט. אַזוֹ ווִיא עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק גָאט זָאגְט פַאר מִיר וֶועט אִיר נִיט מוֹרָא הָאבֶּען. פַאר מִיר וֶועט אִיר נִיט צִיטֶערִין. וָוס אִיךְ הָאבּ גִיטָאהְן דִיא זַאמְד אַגְרֶענֶעץ אַרוּם יַם. דָאס אִיז אַגְרֶענֶעץ אוֹיף אֵייבִּיג אַז דֶער יַם זָאל נִיט אַרִיבֶּער דֶעם זַאמְד:

ד אָמַר. רַבָּה הָאט גְזָאגְט אִיךְ הָאבּ גִיזֶעהֶן דֶעם שֵׁד הוּרְמִיז בַּר לִילִיתָא. עֶר אִיז גִילָאפֶּען

לילותא דהוה קא רהיט אקופי דשורא דמחוזא ורהיט פרשא כי רכיב סוסיא מתתאי ולא יכיל ליה זמנא חדא הוה מסרגן ליה תרתי (חיותא) [כודנייתא] וקיימין (ע"ב) אתרי גשרי דרוגנג ושוור מהאי להאי ומהאי להאי ונקיט תרי כסי דחמרא בידיה ומוריק מהאי להאי ומהאי להאי ולא נטפא מינייהו נטפא לארעא ואותו היום (תהלים קז) יעלו שמים ירדו תהומות הוה ושמעת מלכותא וקטליה:

ה אמר רבה (בר בר חנה) לדידי חזי לי אורזילא בר יומיה דהוה כהר תבור והר תבור כמה הוי (ארבעין) [ארבע] פרסי ובי משכא דצואריה תלתא פרסי ובי מרבעתא דרישיה פרסה ופלגא רמה כופתא וסכריה לירדנא:

ו ואמר רבה בר בר חנה לדידי חזי לי ההיא אקרוקתא דהוה כי אקרא דהגרוניא ואקרא דהגרוניא

מפלגן להאי דהולמין: אקופי דשורא. על שפי חומה והאי עובדא להודיע לדקותיו של הקב"ה שמרחם על בריותיו ואינו נותן רשות לאלו להזיק וגם שלא לצאת בדרך יחידי: ורהיט פרשא. לפי תומו: ולא יכיל ליה. שהיה השד רץ ביותר ומיהו הפרש לא היה מתכוין לכך: מסרגין. שהיה אוכף וסרגא נתונין על הפרדות: אתרי גישרי דרוגנג. שם אותו נהר והיו רחוקים זה מזה והשד מדלג מפרדה זו לפרדה זו: תרי כסי דחמרא. שהיו מלאים יין והוה מוריק תרווייהו ביחד זה בתוך זה בכדי דקא משוור ואין נשפך אפי' טפה אחת ואע"פ שהיה אותו היום רוח סערה שהיו עולים יורדי הים בספינות עד לב השמים ויורדים עד תהומות מכח הרוח ואעפ"כ לא נפלה טפה לארץ: יעלו שמים וגו'. פסוק הוא גבי יורדי הים בתהלים: שמעו בי מלכא וקטלו ליה. מלכא דשידי שאין דרכו של שד להראות לבני אדם והרגוהו מפני שהיה מגלה סודם: ואית דאמרי בי מלכא קיסר שהיה ירא שלא יטול מלכותו שהיה אותו שד מאדם שבא על שידה והיה דר בין האנשים:

אורזילא בר יומא. ראם בן יום אחד דאותו היום נולד: כהר תבור. כן היה גדול: בי מרבעתא דרישיה. מקום הנחת ראשו כשהוא שוכב על הקרקע: רמא כופתא. הטיל רעי: וסכריה. סכרו לירדנא לפי שעה עד שנתמסמסו כמים מעט מעט:

אקרוקתא. צפרדע: כאקרא דהגרוניא. גדול היה כאותה כרך: ואקרא דהגרוניא כמה הוי

אויף דיא שפיצען מאהערין פון מחוזא. אונ אונטען אויף דיא ערד איז גילאפען א רייטער וואס האט גערייטען אויף א פערד. אונ ער האט ניט גיקענט לויפען אויף דיא ערד אזוי געשווינד זויא דער שד איז גילאפען אויף דיא דעכער. אמאהל האט דער שד גזאטילט צוויא אייזלען. אונ די צווייא אייזלען זענען גישטאנען אויף דיא צוויי בריקען פון טייך רוגנג. איין אייזל איז גישטאנען אויף דעם בריק. אונ דער אנדערער אייזיל איז גישטאנען אויף דעם אנדערין בריק. אונ פון איין בריק צום אנדערין בריק איז גיוועזן ווייט. אונ דער שד איז גישפרונגען פון דעם אייזיל אויף דעם אייזיל. אונ צוריק פון אנדערין אייזיל אויף דעם אייזיל. אונ ער האט גיהאלטען צוויי פולע גלעזער ווין אין דיא הענט. איין גלאז ווין אין דיא האנט אונ איין גלאז ווין אין דיא אנדערע האנט. אונ ווען ער איז גישפרונגען פון איין אייזיל אויף דעם אנדערין הט ער שפרינגענדיג גיגאסען פון דער גלאז אין דער גלאז. אונ צוריק פון דער גלאז אין דער גלאז. אונ עס איז ניט אראפ גיפאלען איין טראפען אויף דיא ערד. אונ אין דעם טאג איז גיוועזן אזוי אשטורעם ווינט אז דיא שיפען וואס זענין גיפארען אויף דעם ים האבען זייא דיא וואלען אויף געהויבין ביז צום הימעל. אונ אראפ גענידערט ביז צום אבגרונד. פון דעסטוועגין איז ער געשפרונגען מיט דיא גלעזער ווין אונ איין טראפין איז ניט אראפ גיפאלען אויף דיא ערד. אונ דער מלך פון דיא שדים הט גיהערט וואס דער שד הט גיטאן. הט ער אים גיהרגת. ווייל ער הט ניט גידארפט ווייזן פר מענטשין דיא קונצען וואס די שדים קענען:

ה אמר. רבה האט גזאגט איך האב גיזעהן אוויזל טיר אזוי אזוי אהו דעם טאג וואס ער איז גיבארין גיווארין. איז ער גיוועזן גרויס וויא דער בארג תבור. אונ דער בארג תבור איז גרויס פיר מייל. אונ דיא לייינג פון זיין האלדז איז גיוועזן דרייא מייל. אונ דער ארט ווא זיין קאפ איז גילעגין אויף דער ערד איז גיוועזן גרויס אמייל מיט אהאלבע מייל. אונ דיא צואה וואס פון אים איז ארויס גיגאנגען מיט איין מאהל. האט דאס פאר שטאפט דעם ירדן ביז עס איז ביסלאכווייז צוא גאנגען אין דעם וואסר):

ו ואמר. נאך האט רבה בר בר חנה גיזאגט איך האב גיזעהן אזאבע איז זיא גוועזן גרויס וויא דיא שטאט אקרא דהגרוניא. אונ אין דיא שטאט אקרא דהגרוניא איז גיוועזן זעכציג הייזער

דהגרוניא כמה הוה שיתין בתי אתא תנינא בלעה אתא פושקנצא ובלע לתנינא וסליק יתיב באילנא תא חזי כמה נפיש חיליה דאילנא אמר רב פפא בר שמואל אי לאו דהואי התם לא הימני:

ז ואמר רבה בר בר חנה זמנא חדא הוה אזלינא בספינתא וחזינא ההוא כוורא דיתבא ליה אכלא טינא באוסיה ואידחוהו מיא ושדיוהו לגודא וחרוב מיניה שיתין מחוזי ואכלו מיניה שיתין מחוזי ומלחו מיניה שיתין מהוזי ומלאו מחד גלגלא דעיניה תלת מאה גרבי משחא וכי הדרן לבתר תריסר ירחי שתא חזינן דהוה קא מנסרי מגרמיה מטללתא ויתבי למבנינהו הנך מחוזי:

שיתין בתי. תלמודא קא"ל: אתא תנינא, רבנן קא"ל: פושקנצא. עורב נקבה: באילנא. על ענף אחד כדרך העופות: לא הימני. לא האמנתי: כוורא. דג: אכלא טינא. טרך קטן: באוסיה. בנחיריו של דג נכנס הטרך וצ"ל דהיינו כלבית כדאמרינן במסכת שבת ה' אימות הן אימת חלש על גבור אימת כלבית על לויתן: ודחיוהו מיא. והשליכוהו ליבשה כדרך ים שאינו סובל דבר מת: חרבו מיניה שיתין מחוזי. כשהשליכוהו המים על שפים כרכים ושברן כולן שהיה גדול כל כך: ואכלו מיניה שיתין מחוזי. בעודנו לח: ומלחו מיניה שיתין מחוזי. אחרים שהיו רחוקין משם תלאו מיניה והוליכו למקומן: מחד גלגלא דעיניה. מגלגל עיניו לקחו שמן שלש מאה גרבי: לשנה. לשנה אחרת: הוו מנסרי. לבנות מעצמות הדג אותן מחוזי שנפל: דיתבא חלהא אגביה. שהיה חול נקבץ על גבו: וקדחא. עשבים על החול: וסברינן יבשתא היא. אי הוה

ח ואמר רבה בר בר חנה זמנא חדא הוה קאזלינן בספינתא וחזינן ההוא כוורא דיתבא ליה חלהא אגביה יקדחא אגמא עילויה סברינן יבשתא היא ומלקינן ואפינן ובשלינן אגביה וכד חם גביה אתהפיך ואי לאו דהוה מקרבא ספינתא הוה טבעינן:

ואמר

איז דיא זאבע גיוועזן גרויס וויא זעכציג הייזער . איז געקומען אשלאנג אונ האט איין געשלונגען דיא זאבע . איז געקומען אקראה אונ האט איין געשלונגען דעם שלאנג ; אונ איז ארויף געפלויגען אויף אבוים אונ האט זיך געזעצט אויף אצווייג ; קען מען זעהן וואס פאר אשטארקע צווייג דאס איז געוועזן אז אויף איהם האט געקענט זיצען אזוי אגרויסע קראה . רב פפא בר שמואל האט געזאגט ווען איך וואלט אליין ניט געוועזן דארטין אונ וואלט אליין ניט געזעהן . וואלט איך דאס ניט געגלויבט :

ז ואמר . נאך האט רבה בר בר חנה געזאגט אמאהל בין איך געפארין אין אשיף אויף דעם ים ; האב איך געזעהן אפיש וואס אקליינער שרץ איז אריין געגאנגען אין זיינע נאז לעבער . אונ פון דעם שרץ איז דער פיש געפיגערט . האט דיא וואסער ארויס געשטויסין דעם פיש אונ די וואלען האבין אים אנווארף געטאהן אויף דעם ברעג וואסער איז ער געפאלין אויף זעכציג שטעט אונ דיא אלע הייזער פון דיא זעכציג שטעט זענען צוא בראכין געווארין . אונ יעדער שטאט איז געוועזן גרויס וויא דיא שטאט מחוזא . אונ די מענטשין פון די זעכציג שטעט האבין אלע געגעסין פון דעם פיש . אונ נאך מענטשין פון נאך זעכציג שטעט אנדערע וואס יעדער שטאט איז געוועזן גרויס וויא דיא שטאט מחוזא . האט יעדער גינומען פון דעם פיש וויא פיל ער האט געקענט נעמען אונ האט געטראגין אהיים אונ האט דאס איין געזאלצין . אונ פון איין אויג פון דעם פיש האט מען ארויס גינומען דרייא הונדערט פעסער אייל (פיש טראן) . אין צוועליף חדשים ארום זענען מיר נאך אמאהל געקומען אויף דעם ארט . האבין מיר געזעהן וויא מען זעגט דיא ביינער פון דעם פיש אונ מען מאכט פון זייא ברעטער אויף צו באהען דיא הייזער פון דיא שטעט וואס זענען צו בראכין געווארין :

ח ואמר ; נאך האט רבה בר בר חנה געזאגט אמאהל זענען מיר געפארין אין אשיף אויף דעם ים . האבין מיר געזעהן אפיש וואס אויף איהם איז געוועזן זאמד . אונ אויף דיא זאמד איז אויף געוואקסין גראז . האבין מיר געמיינט דאס איז אטרוקענער אינזעל אויף דעם ים נאזוי לאנג אונ ברייט איז דער פיש געוועזן . זענען מיר ארויף געגאנגען אוף דעם גראז אונ מיר האבין געבאקט אונ געקאכט אויף דעם גראז ; וויא דער פייער האט דורך געווארעמט דעם זאמד אונ דעם פיש האט אנגיהויבין הייס צו ווערין ; האט זיך דער פיש אקער געגעבין אויף אזייט . ווען מיר וואלטין ניט געוועזן נאנט צוא דיא שיף וואלטין מיר דער טרונקען געווארין :

ט ואמר רבה בב״ח זמנא חדא הוה אזלינן בספינתא וסגאי ספינתא בין שיצא לשיצא דכוורא תלתא יומא ותלתא לילותא איהו בזקיפא ואנן בשיפולא וכ״ת לא מסגי ספינתא טובא כי אתא רב דימי אמר כמיחם קומקומא דמיא מסגיא שיתין פרסי ושדי פרשא גירא וקדמא ליה איהו וא״ר אשי ההוא גילדנא דימא הואי דאית ליה תרי שיצי :

י ואמר רבה בר בר חנה זמנא חדא הוה אזלינן בספינתא חזאי ההיא צפרת׳ דהוה קאי עד קרסוליה במיא ורישיה ברקיעא ואמרינן לית מיא ובעינן למיחת לאקורי נפשין נפק בת קלא ואמר לן לא תחותו להכא דנפלה ליה חצינא לבר נגרא הכא הא שבע שנין ולא מטיא לארעא ולא משום דנפישי מיא אלא משום דרדיפי מיא . א״ר אשי ההוא זיז שדי הוא דכתיב (תהלים נ) וזיז שדי עמדי :

יא אמר רבה בר בר חנה זמנא חדא הוה אזלינן במדברא

פירוש

הוא : שיטא . סנפיר · בין שיטא לשיטא . סנפירי הגב הדג אחד לצד הראש ואחד לצד הזנב : איהו בזקיפא . שהיה הולך כנגד הרוח : אנן . אזלינן בשיפולא כמו שהרוח הולך דמים של ים אינן מבעין אלא ע״י רוח הולכין בהם : כמיחם קומקומא דמיא . כשיעור שמחממין קומקומא של מים חמים : ושדא פרשא גירא . כשהיה שום אדם יורה בחץ ובקשת על שפת הים לארץ הוה חזינן דקדמא לה ספינתא לחץ : גילדנא . שם דג קטן הוא כלומר דג זה הוי מדגים קטנים שהים : דאית ליה תרי שיצי . אבל שאר דגים גדולים שהים אין להם אלא סנפיר אחד באמצע הגב :

וחזינא להווא ציפרתא כו׳ . ה״ג : ואמרינן ליכא מיא . היינו סבורין שאין עמוקין הואיל ולא קאי במיא אלא עד קרסוליה : חצינא . גרזן או מעצד : לבר נגרא . חרש עצים : ולא משום דעמקי מיא . מהלך שבע שנים לא הגיע הצינא לקרקע : אלא משום דרדיפי מיא . מתוך תריפות הנהר לא שקע עדיין ולא מחמת העומק בלבד : וזיז שדי עמדי . כאשר מגיע לרקיע :

ט וָאָמַר . נאָך האָט רַבָּה בַּר בַּר חָנָה גיזאָגט אַמאָהל זענין מיר גיפאָרין אין אַשיף אויף דעם יַם . אונ דיא שיף איז גינאַנגען נעבין אַפיש אונ פון איין פלוס פעדער ביז צום אַנדערין פלוס פעדער איז די שיף גיגאַנגען דריי טעג אונ דריי נעכט (אַזוי לאַנג איז גיוועזן דער פיש) . דער פיש איז גיגאַנגען געגין דעם ווינט ואיז ער גיגאַנגען פּאַמעליך) . אונ מיר זענען גיגאַנגען מיט די שיף גלייך מיט דעם ווינט . דער ווינט האָט געיאָגט אונזער שיף . טאָמער וועסטו זאָגען אונזער שיף איז ניט געשווינט גיגאַנגען ; אַז רַב דימי איז גיקומען האָט ער גיזאָגט אַזוי לאַנג ווי עס דאַרף דויערין אַקעסיל וואַסער וואַרעם צו מאַכין . איז די שיף אַוועק געשוואומען זעכציג מייל . אַז אַרייטער וואָלט גישטאַנען נעבין די שיף אונ וואָלט גיוואָרפין אַפייל . וואָלט די שיף גילאָפין געשווינטער ווי די פייל . אונ רַב אַשי האָט גיזאָגט דער פיש איז גיוועזן פון די קליינע פיש וואָס אין יַם . וואָס ער האָט צווייא פלוס פעדערין . איין פלוס פעדער נעבין קאָפּ אונ איין פלוס פעדער נעבין וויידיל . אָבער דיא גרויסע פיש וואָס אין יַם האָבין נאָר איין פלוס פעדער אין מיטען דעם רוקען :

י וְאָמַר . נאָך האָט רַבָּה בַּר בַּר חָנָה גיזאָגט אַמאָהל זענין מיר גיפאָרין אין אַשיף אויף דעם יַם ; האָבין מיר גיזעהין אַפויגיל איז גישטאַנען אין וואַסער ביז די קנעכיל . אונ זיין קאָפּ איז גיוועזן הויך ביז צום הימעל . האָבין מיר גימיינט אַז אויף דעם אָרט איז ניטאָ קיין וואַסער ואיז דיא וואַסער ניט טיף . האָבין מיר גיוואָלט אַרויס גיין פון דיא שיף אין וואַסער אָפּ קילען אונזר פון דיא היץ ; איז אַרויס גיגאַנגען איין קול פון הימעל אונ האָט גיזאָגט צו אונז איהר זאָלט ניט אַראָפּ גיין אין דעם וואַסער ; וואָרום פון אַסטאָליער איז אַראָפּ גיפאַלין אַהאַק אויף דעם אָרט אין דעם וואַסער אַריין . אונ עס איז שוין זיבען יאָהר ; אונ דיא האַק איז נאָך ניט גיקומען צום גרונד . אונ ניט נאָר ווייל דיא וואַסער איז אַזוי טיף דריבער איז דיא האַק נאָך ניט גיקומען צום גרונד . נאָר ווייל די וואַסער איז שטרוימיג אויך . אונ דער שטרוים לאָזט ניט די האַק זאָל קומען צום גרונד . רַב אַשי זאָגט דער פויגיל הייסט זיז שַדַי . וואָרום עס שטייט אין פָּסוּק גאָט זאָגט דער פויגיל זיז שַדַי איז מיט מיר . זיין קאָפּ איז ביז צום הימעל :

יא וְאָמַר . נאָך האָט רַבָּה בַּר בַּר חָנָה גזאָגט אַמאָהל זענען מיר גיגאַנגען אין דר מדבר

במדברא ורזינן הני אווזי דשמטי גדפייהו משמנייהו וקא נגרי נחלי דמשחא מתותייהו ואמינא להו אית לי מנייכו חילקא לעלמא דאתי חדא דליא לי אטמא וחדא דליא לי גדפא כי אתאי לקמיה דרבי אלעזר אמר לי עתידין ישראל ליתן עליהם את הדין:

יב ואמר רבה בר בר חנה זמנא חדא הוה קאזלינן במדברא ואתלוי בהדן ההוא טייעא דהוה שקיל עפרא ומירח ליה ואמר הא אורחא לדוכתא פלן והא אורחא לדוכתא פלן אמרינן ליה כמה מרחקינן ממיא ואמר לן הבו לי עפרא יהבינן ליה ואמר לן תמניא פרסי תנינן ויהבינן ליה אמר לן דמרחקינן תלתא פרסי אפכית ליה ולא יכילית ליה. (אמר רבה בר בר חנה) אמר לי (ההוא טייעא) תא ואחוי לך מתי מדבר אזלי ואחזתינהי ודמו כמאן דמיבסמי (דף עד) וגנו אפרקיד והוה זקיפי ברכיה דחד מינייהו ועייל טייעא תותיה ברכיה כי רכיב גמלא וזקיפא רומחיה ולא נגע ביה פסקי הדא קרנא דתכלתא דחד מינייהו ולא הוה מכתגי

דשמטי גדפייהו: משלות מהם שלהן מרוב שמנן: דליא לי גדפא. הגביה לי הכנף רמז זה חלקך לעתיד לבא: ליתן עליהם את הדין. שבהנאתם מתעכב משיח ויש להן צער בעלי חיים לאותן אווזים מחמת שומנן:

טייעא. סוחר ישמעאל: והפכיה. האי עפרא בהאי עפרא לנסותו אם יהיה בקי כל כך: אמר לי. ההוא טייעא הא אחוי לך וכו': ה"ג אזגי ואחזתינהו ודמו כמאן דמיבסמי. שהיו שוכבין בפנים צהובות כשתויי יין: אפרקיד. פניהם למעלה סובינ"ש בלע"ז: ועייל טייעא תותי בירכיה. כלומר ראיתי שטייעא הולך תחת ברכי המת רכוב על הגמל ורומחו בידו ולא נגע ביה בברכיה וליכא לפרושי דגובה הברכים כשיעור שיכול טייעא ללכת תחת ברכי המת ורומחו בידו ולא יהיה מגע בו דאי שיעורא קאמר ולא הוא ממש מעכה הכי הוה ליה למימר ועייל פרשא תותי ברכיה כו' א"נ ועייל גברא: שקלי הדא קרנא. כנף הטלית להביאו

האבען מיר גיזעהן גענדז וואס זייערע פעדערין פאלען ארויס פון פעטקייט. אונ אונטער זייא גייען טייכען מיט שמאלץ. האב איך גזאגט צוא דיא גענדז וועל איך האבען פון אייך צחלק אויף עולם הבא. איין גאנדז האט אויף גיהויבען אפאלקע. אונ איין גאנדז האט אויף גיהויבען אפליגעל. צוא ווייזען אז איך וועל עסין פון זיי אפאלקע מיט אפליגעל ווען משיח וועט קומען. ווען איך בין גיקומען פאר רבי אלעזר אונ האב אים דער ציילט פון דיא גענדז. האט רבי א. עזר צו מיר גזאגט אז דיא יודין וועלין נישטראפט וועדין דורך דיא גענדז. ווארום ווייל דיא יודין זינדיגען דריבער קומט ניט משיח. מוזין נאך דיא גענדז ארום גיין. אונ די גענדז האבען גרויס צער ארום צוא גיין ווייל זייא זענען אזוי פעט. אבער אז משיח וועט קומען וועט מען שעכטין דיא גענדז:

יב ואמר. נאך האט רבה בר בר חנה גיזאגט אמאהל זענען מיר גיגאנגען אין דער מדבר האט זיך בהעפט צוא אונז אטערקישער סוחר. דער סוחר פלעגט נעמען אביסול ערד אונ האט גישמעקט צוא דיא ערד. פלעגט ער וויסען צוא זאגין דיא וועג גייט צוא דעם א"ט אונ די וועג גייט צוא דעם ארט. אמאהל האבען מיר גזאגט צו אים וויא וויט זענען מיר פון וואסער. האט ער גזאגט צו אונז גיט מיר ערד וועל איך אייך זאגין. האט מען אים גיגעבין ערד. האט ער גזאגט פון דעם ארט ביז צום וואסער איז וויט אכט מייל. דער נאך זענען מיר ווייטער גיגאנגען האבען מיר גיוואלט וויסען וויא וויט מיר זענען איצט פון וואסער. האבען מיר אים נאך אמאהל גיגעבין אביסול ערד. האט ער אונז גזאגט מיר זענען ווייט פון וואסער דרייא מייל. האבען מיר גיטאהשט דיא ערד צוא פרובין אים אויב ער וועט דער קענען. אונ מיר האבען אים ניט גיקענט נארין. ער האט אלע מאהל דער קענט. האט דער טערק צוא מיר גזאגט קום איך וועל דיר ווייזין וואו ליגען דיא יודין וואס זענען גישטארבען אין דער מדבר. בין איך גיגאנגען אונ האב זייא גיזעהן. אונ זייא ליגען מיט אפרייליך פנים אזוי וויא זייא וואלטין גיטרונקען פיל וויין. אונ זייא ליגען אויף דעם רוקען מיט דעם פנים ארויף. אונ איינער פון זייא האט גיהאלטען אויף גישטעלט דיא קניא. אונ איך האב גיזעהן וויא אטערק האט געריטען אויף אקעמל אונ האט גיהאלטען דעם שפיז אויף גישטעלט. האט ער געריטען אונטער דער קניא. אונ דער שפיץ פון שפיז האט נ ט אן גערירט דיא קניא. אזוי הויך איז

לאכסויי. ללמוד ממנו דין ציצית אי כב"ש אי כב"ה בדלקמן: ולא הוה קא מסתגי לן. בהמות שהיינו רוכבין לא היו יכולין לילך: כל אבא חמרא. דבב"ח היינו רבי. אבא בר חנה וכמו כן רבינא כמו רב אבינא. חמרא כלומר שוטה כחמור: סיכסא. שוטה כדאמרינן בסנהדרין עבדין ששון: למאי הילכתא. פסקא ליה משום דבעי למחזי אי הלכה כב"ש דפליגי במס' מנחות דת"ר כמה חוטים הוא נותן ב"ש אומרים ד' וב"ה אומרים ג' [וכמה תהא משולשת וכו'] : איבעי לך למימני חוטין. יחוליות מקמי דהדרינהו והיתי והימנא לן : חוליות. ג' חוטין גדיל קרי ליה חוליא במסכת מנחות :
שנשבעתי. מן הגלות כדכתיב קראי טובא בנביאים:
ורבב"ח סבר דלמא שבועתא דמבול. דכתיב אשר נשבעתי מעבור מי נח אותה שבועה הוא רוצה להפר ויחריב את העולם במבול ילפיכך לא רצה להפר. ורבנן דקרי ליה סיכסא אמרי א"כ לא הוה אמר אוי אלא משום דבכל נרמס לו עד:

מסתגי לן אמר לי דלמא שקלת מידי מינייהו אהדרה דגמירי דמאן דשקיל מידי מינייהו לא מסתגי ליה אזלי אהדרתיה והדר מסתגי לן כי אתא לקמייהו דרבנן אמרו לו כל אבא חמרא וכל בר בר חנה סיכסא למאי הלכתא (עביד) [עבדית] הכי למידע אי כב"ש איבעי לך למימני חוטין אי כב"ה איבעי לך למימני חוליות:

יג (ואמר רבה בר בר חנה) אמר לי (ההוא טייעא) תא אחוי לך טורא דסיני אזלי והזאי דהדרן ליה עקרבי וקיימן כי חמרי חוורתי שמעתי בת קול שאומרת אוי שנשבעתי ועכשיו שנשבעתי מי מפר לי כי אתאי לקמייהו דרבנן אמרו לי כל אבא חמרא וכל בר בר חנה סיכסא הוה לך למימר (מופר לך) ורבב"ח סבר דלמא משבועתא דמבול קאמר ורבנן א"כ אוי למה:

ואמר

דיא קניא גיוועזען : אונ איך האב אפ געשניטען איין ווינקול פון אטלית מיט דער ציצה פו איינעם פון זייא . האבען מיר ניט גיקענט אוועק גיין פון ארט . האט דער טערק צוא מיר גזאגט טאמער האסטו עפעס גינומען פון זייא . גיב אוועק צוריק . ווארום מיר ווייסען דער וואס נעמט עפעס פון זייא קען ער ניט אוועק גיין פון דעם ארט . בין איך גיגאנגען אונ האב צוריק גילייגט . דער נאך זענען מיר אוועק גיגאנגען . וויא רבה איז גיקומען פאר דיא רבנן . האבען דיא רבנן גזאגט צוא אים . אבא איז אנאר אזוי וויא אאייזיל ורבה איז צוויי ווערטער רבי אבא . אונ בר בר חנה איז אשוטה . צו וואס האסטו דען אפ געשניטען דעם ווינקול פון טלית מיט דער ציצה . מען זאל וויסען וויא דיא ציצית זייערע זענען גימאכט גיווארין (זייא זענען דאך גיוועזען אין דיא צייט פון משה רבינו) וויא בית שמאי אדער וויא בית הלל וואס זייא קריגען אין דיא מסכת מנחות וויא פיל פעדים זאל זיין אונ וויא פיל קניפ מיט גיפלאכטענע זאל זיין . האסטו גידארפט ציילין דיא פעדים אונ דיא קניפ מיט דיא גיפלאכטענע אונ וואלסט אונז קען זאגין . וואלטין מיר שוין גיוואוסט וויא דער דין איז :

יג ואמר . נאך האט רבה בר בר חנה גזאגט דער טערק האט מיר גזאגט קום איך וועל דיר ווייזין דעם בארג סיני . בין איך גיגאנגען אונ האב גיזעהן אז שלאנגען זענען ארום גערינגעלט ארום דעם בארג . אונ זייא שטייען ארום דעם בארג אזוי וויא די ווייסע אייזלען : אונ איך האב גיהערט אקול האט גזאגט ווייא איך האב גישווארין . אונ איצט אז איך האב גישווארין . ווער וועט מיר מתיר זיין דיא שבועה . אז איך בין גיקומען פאר דיא רבנן האבען זייא גזאגט צו מיר אבא איז אנאר אזוי וויא אאייזיל אונ בר בר חנה איז אשוטה . דוא האסט גידארפט זאגין מופר לך (דיא שבועה זאל זיין גישטערט) . אונ רבה בר בר חנה האט גיטראכט טאמער וויל גאט חרטה האבען פון דיא שבועה וואס ער האט גישווארין ער זאל ניט ברענגען אמבול אויף דער וועלט . אונ איצט וויל גאט יא ברענגען צמבול . דריבער וויל ער מען זאל אים מתיר זיין דיא שבועה : אונ דריבער האט רבה בר בר חנה ניט גיוואלט מתיר זיין דיא שבועה . אונ די רבנן האבען גזאגט אז רבה איז גיוועזען אנאר אונ ער האט יא גידארפט מתיר זיין . זייא זאגין עס קען ניט זיין אז גאט זאל מיינען דיא שבועה פון מבול . ווארום אז גאט וואלט וועלין ברענגען אמבול וואלט ער דאך גיוועזען אין כעס אויף דער וועלט . וואלט ער ניט גזאגט אוי איך האב גישווארין ווארט וואלט ער ניט גזאגט . נאר געווים האט גאט חרטה גיהאט אויף יודין אונ ער האט גיוואלט מען זאל אים מתיר זיין די שבועה וואס ער האט גישווארין

יד (ואמר רבה בר בר חנה) אמר לי (ההוא טייעא) תא אחוי לך בלועי דקרח חזאי תרי ביזעי רהוה נפיק מינייהו קוטרא (שקל) [שקלין] גבבא דעמרא (ומשייה) [ואמשיניה] במיא (ואנחיה) [ודעציתה] ברישא דרומחא ועייליה התם וכי אפיק הוה איחרך אחרוכי אמר לי אצית מאי שבעת ושמעית דהוו אמרין משה ותורתו אמת והם בדאים אמר לי כל תלתין יומין מהדרא להו גיהנם להכא כבשר בקלחת ואמרי הכי משה ותורתו אמת והם בדאים:

טו ואמר רבה בר בר חנה אמר לי (ההוא טייעא) תא ואחוי לך היכא דנשקי ארעא ורקיעא אהדדי (אזלי וחזאי דעביד כוי כוי) שקליהא לסלתאי ואנחתיה בכוותא דרקיעא אדמצלינא בעיתא ולא אשכחיתה אמרי איכא גנבי הכא אמר לי גלגלא דרקיע הוא דהדר נטר עד למחר כי השתא ומשכחת לה:

טז רבי יוחנן משתעי זמנא חדא הוה אזלינן בספינתא והזינן ההוא כוורא דאפיק רישיה ממיא ודמי עיניה כתרי סיהרי ונפוץ מיא מתרתי אוסייה כתרי מברי דסורא:

רב

ביזעי. בקעים דכתיב ותבקע האדמה וגו': קוטרא. עשן: שקל גבבא דעמרא. לקח גיזת צמר ושראה במים: איתרך איתרוכי. נשרף הגיזה ואף על פי שנרויין במים: אצית. הטית ושמע: ושמעית דקאמרי. שהרי ירדו חיים שאולה: כל ל' יומין. כל ר"ח: בקלחת. שמהפכין אותה כדי שתתבשל:

היכא דנשקי ארעא ורקיעא. מקום גבוה היה שם שמנשקין יחד זה לזה ולאו היינו סוף העולם דהא מהלך העולם חמש מאות שנה הוי וארץ ישראל אמצעיתו של עולם הוא דכתיב יושבי על טבור הארץ והיינו מקומו של רבב"ח: סילתאי. סל לחם שלי: דהדר. חוזר כדאמרינן בפסחים גלגל חוזר ומזלות קבועים:

אוסייה. נחיריו: מברי דסורא. נהרות שבסוריא:

יודין זאלין זיין אין גלות. ער זאל זיי קענען אויס לייזין פון גלות:

יד ואמר. נאך האט רבה בר בר חנה גזאגט דער טערק האט צו מיר גזאגט קום איך וועל דיר ווייזין דעם ארט וואו קרח איז אריין אין דער ערד. האב איך גיזעהן צוויי שפאלטען אין דער ערד אונ פון דיא שפאלטען איז ארויס גיגאנגען ארויך. האב איך גינומען אשטיקול גישווירע וואל אונ האב דיא וואל איין גינעצט אין וואסער אונ האב ארויף גיזעצט די וואל אויף דעם שפיץ פון אשפיז. אונ האב דעם שפיז מיט דיא וואל אריין גישטעקט אין דעם שפאלט. אז איך האב דיא וואל צוריק ארויס גינומען איז גיוועזען דיא וואל ארום גיזענגט פון פייער. האט דער טערק צוא מיר גיזאגט נעם דיינע גידאנקען צוא הערין. האב איך גיהערט וויא קרח מיט זיינע מענטשין האבען גזאגט משה אונ זיין תורה איז אמת אונ מיר זענען ליגנער. האט דער טערק צוא מיר גזאגט אלע דרייסיג טעג (אלע ראש חודש) ברייננט זייא דער גיהנם אויף דעם ארט. אונ זייא דרייען זיך אין גיהנם ארויף אונ אראפ אונ אויף אלע זייטען אזוי וויא פלייש וואס ווערט גיקאכט אין אקעסיל: וואס מען קערט איר אויף אלע זייטען זיא זאל געשווינד פארטיג ווערין. אונ זייא זאגין אזוי משה אונ זיין תורה זענען אמת אונ מיר זענען ליגנער:

טו ואמר. נאך האט רבה בר בר חנה גזאגט דער טערק האט צוא מיר גזאגט קום איך וועל דיר ווייזין וואו דיא הימעל מיט דיא ערד קושען זיך (וואו דער הימעל ליגט אויף דיא ערד. דארט איז גיוועזען אזא יכר בארג. אונ דער בארג איז גיוועזען נאנט צום הימעל): בין איך גיגאנגען אונ האב גיזעהן אז אין הימעל איז דא פענסטער. האב איך גינומען מיין קארב מיט ברויט אונ האב גיליינט אין פענסטער פון הימעל. דער נאך וויא איך האב אפ גידאווינט האב איך גיזוכט מיין קארב מיט ברויט אונ איך האב ניט געפונען. האב איך גזאגט זענען דען דא גנבים אויף דעם ארט. האט דער טערק צוא מיר גזאגט דער ראד מיט דיא מזלות וואס אין הימעל האבען זיך דא גידרייט. האבען זייא פאר שלעפט דיין קארב. ווארט ביז מארגין אין דער צייט וועט דא דער ראד ווידער זיין וועט ער צוריק ברייננגען דיין קארב וועסטו אים געפינען:

טז רבי יוחנן האט דער צייל אמאהל זענען מיר גיפארען מיט אשיף אויף דעם ים. האבען מיר גיזעהן אפיש האט ארויס גישטעקט זיין קאפ פון וואסער. זיינע צוויא אויגען זענען גיוועזען אזוי ליכטיג וויא צוויי לבנות אונ ער האט ארויס געשפריצט וואסער פון זיינע צוויא נאז

יז רב ספרא משתעי זמנא חדא הוה קא אזלינן בספינתא וחזינן ההוא כוורא דאפיק רישיה מםיא ואית ליה קרני וחקיק עלייהו אנא בריה קלה שבים והוינא ש׳ פרסי ואזילנא לפומיה דלויתן א״ר אשי ההוא עיזא דימא הוה דבחישא יאית לה קרני :

יח רבי (יונתן) [יוחנן] משתעי זמנא חדא הוה קאזלינן בספינתא וחזינן ההיא קרטליתא דהוו מקבעי בה אבנים טובות ומרגליות והדרי לה מיני דכוורי דמקרי (בירשא) [כרשא] נחית (ע״ג) בר אמוראי לאתויי ורגש ובעי דנשמטיה לאטמיה ושדי זיקא דחלא ונחת נפק בת קלא ואמר לן מאי אית לכו בהדי קרטליתא דדביתהו דר׳ חנינא בן דוסא דעתידא לשדיא תכלתא בה לצדיקי לעלמא דאתי :

יט רב יהודה הינדואה משתעי זמנא חדא הוה אזלינא בספינתא וחזינא ההוא אבן טבא דהדר ליה תנינא ונחת בר אמוראי לאתויה אתא תנינא קא בעי למיבלע לספינתא אתא (ציפרא) [פושקנצא] פסקיה לרישיה אתהפיכו מיא והוו דמא אתא תנינא חבריה שקליה ותליא לה ואחייה הדר אתא קא בעי בלעא לספינתא הדר אתא ציפרא

פירוש: בריה קלה שבים . מבריות קטנים שבים : לפומיה דלויתן . שאוכלני היום : עיזא דימא . שכל מה שיש ביבשה יש בים חוץ מן החולדה בשחיטת חולין : דבחישא . חופרת בים בקרניה לבקש אחר מזונותיה :
קרטליתא . ארגז : דמקרי בירשא . כך שמו : בר אמוראי . אדם שיודע לשוט במים :
בעא דמשמטיה לאטמא . שבקש לחתוך ירכו : זריק ליה אלא . הומן וברה מריתו ליה : למישדייה ביה. לבלוע בו : והזינא ההוא אבן טבא . לתוך הים והדרא ליה תנינא . ה״ג אתא ההוא תנינא רגא וקא בעי למבלע לספינתא : אתא פושקנצא . עורב נקבה וקטעיה לרישיה דתנינא : איתהפיכו מיא והוו דמא . מרוב דם שהיה גדול הרבה : הדר קא בעי למבלע לספינתא . אתא ההוא פושקנצא וקטליה ואזל בר

לֶעבֶּער אַזוֹ וִויא דִי צְווֵיי טַייכֶען וָוס זֶענֶען אִין סוּרְיָא :

יז רַב סַפְרָא הָאט דֶער צֵיילְט אַמָאהל זֶענֶען מִיר גִיפָארֶען מִיט אַשִׁיף אוֹיף דֶעם יַם . הָאבֶּען מִיר גִיזֶעהֶן וִויא אַפִישׁ הָאט אַרוֹיס גִישְׁטֶעקְט זַיין קָאפּ פוּן וַואסֶער . אוּנ דֶער פִישׁ הָאט הֶערְנֶער אוּנ אוֹיף דִיא הֶערְנֶער אִיז גִיוֶוען אוֹיס גֶעקְרִיצְט דִיא וֶוערְטֶער . אִיךְ בִּין אַיינֶער פוּן דִיא קְלֵיינֶע בַּשֶׁעפֶענִישׁ וָואס אִין יַם . אוּנ אִיךְ בִּין גְרוֹיס דְרַיי הוּנְדֶערְט מַייל . אוּנ אִיךְ גֵיי צוּם מוֹיל פוּן לִוְיָתָן עֶר זָאל מִיךְ הַיינְט אַיין שְׁלִינְגֶען . רַב אַשִׁי זָאגְט דָאס אִיז נִיט גִיוֶוען אַפִישׁ , נָאר דָאס אִיז גִיוֶוען אַקָאזֶע פוּן יַם . וָואס זִיא הָאט הֶערְנֶער אוּנ זִיא גְרָאבְּט מִיט דִיא הֶערְנֶער אִין דִי עֶרְד וָוס אוֹיף דֶעם גְרוּנְד פוּן יַם . זִיא זוּכְט דָארְט אִירֶע שְׁפַּייז :

יח רַבִּי יוֹחָנָן הָאט דֶער צֵיילְט אַמָאהל זֶענֶען מִיר גִיפָארִין מִיט אַשִׁיף אוֹיף דֶעם יַם . הָאבֶּען מִיר גִיזֶעהֶן אַקֶעסְטִיל וָואס אִין אִיר אִיז גִיוֶוען אַיין גִיזֶעצְט טַייעֶרֶע שְׁטֵיינֶער אוּנ פֶּערִיל . אוּנ אַרוּם דִיא קֶעסְטִיל אִיז גִיוֶוען אַגְרוֹיסֶער פִישׁ וָואס מֶען רוּפְט אִים כַּרְשָׁא , אִיז אַרָאפּ גִיגַאנְגֶען פוּן אוּנְזֶער שִׁיף אַשְׁווִימֶער צוּא נֶעמֶען דִיא קֶעסְטִיל . הָאט דֶער פִישׁ אַצִיטֶער גִיטָאן אוּנ עֶר הָאט גִיוָואלְט אָפּ רַייסֶען דִיא פוּס פוּן דֶעם שְׁווִימֶער . הָאט דֶער שְׁווִימֶער אַוָוארְף גִיטָאן אַלָאגִיל עֶסִיג . אוּנ וִויא דֶער פִישׁ הָאט גִישְׁמֶעקְט דֶעם רֵיחַ פוּן עֶסִיג אִיז עֶר אַנְטְלָאפִין אִין יַם אוּנְטֶער דִיא וַואסֶער . הָאט דֶער שְׁווִימֶער גִיוָואלְט נֶעמֶען דִיא קֶעסְטֶל אִיז אַרוֹיס גִיגַאנְגֶען אַקוֹל פוּן הִימֶעל אוּנ הָאט גִזָאגְט צוּ אוּנְז וָואס הָאט אִיר צוּ דִיא קֶעסְטִיל פוּן רַבִּי חֲנִינָא בֶּן דוֹסָא וַוייבּ : וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועט זִיא הַאלְטֶען אִין דִיא קֶעסְטִיל תְּכֵלֶת צוּ דִי צִיצִית פוּן דִיא צַדִיקִים :

יט רַב יְהוּדָה הִינְדוּאָה הָאט דֶער צֵיילְט אַמָאהל בִּין אִיךְ גִיפָארֶען מִיט אַשִׁיף אוֹיף דֶעם יַם הָאבּ אִיךְ גִיזֶעהֶן אַטַייעֶרִין שְׁטֵיין אִין יַם אוּנ אַפִישׁ אִיז גִילֶעגִין אַרוּם דֶעם שְׁטֵיין . אִיז אַרָאפּ גִיגַאנְגֶען פוּן אוּנְזֶער שִׁיף אַשְׁווִימֶער צוּא נֶעמֶען דֶעם שְׁטֵיין . אִיז גִיקוּמֶען דֶער פִישׁ אוּנ הָאט גִיוָואלְט אַיין שְׁלִינְגֶען דִיא שִׁיף . אִיז גִיקוּמֶען אַקְרָאה אוּנ הָאט אָפּ גִיהַאקְט דֶעם קָאפּ פוּן דֶעם פִישׁ . אִיז אַרוֹיס גִיגַאנְגֶען אַזוֹי פִיל בְּלוּט פוּן דֶעם פִישׁ אַז דִיא גַאנְצֶע וַואסֶער אִיז גִיוָוארִין בְּלוּט . אִיז גִיקוּמֶען אַיין אַנְדֶער פִישׁ אוּנ הָאט גִינוּמֶען דֶעם שְׁטֵיין אוּנ הָאט אִים גִילֵייגְט אוֹיף

ציפרא פסקיה לרישיה שקלא להההוא אבן טבא שדייה לספינתא הוה ציפרי מליחי בהדן אותבינהו עלייהו שקלוה ופרחו להו בהדיה :

כ ת"ר מעשה בר' אליעזר ור' יהושע שהיו באין בספינה והיה ר' אליעזר ישן ור' יהושע נעור נזדעזע רבי יהושע וננער ר' אליעזר א"ל מה זה יהושע מפני מה נזדעזעת א"ל מאור גדול ראיתי בים א"ל שמא עיניו של לויתן ראית דכתיב (איוב מא) עיניו כעפעפי שחר :

כא א"ר אשי אמר לי הונא בר נתן זמנא חדא הוה אזלינא במדברא והואי אטמא דבשרא בהדן פתחנא ונקירנא ואנחנא אעישבי אדמייתינן ציבי חלם אטמא וטויניה. כי הדרן לבתר תריסר ירחי שתא חזינהו להנהו גומרי דהוו קא (מחממי) [מלהשי] כי אתא לקמיה דאמימר אמר לי ההוא עישבא סמתרי הוה הנהו גומרי דרתמא הוו. (בראשית א) ויברא אלהים את התנינים הגדולים הכא תרגימו אורזילי דימא רבי יוחנן אמר זה לויתן נחש בריח

אמוראי ושקלה להביא אבן טבא ותליניהו להנהו ציפרי לנסות אם יחיו ומתו : ופרחו להן בהדי . הביא אבן :
נזדעזע . חרד חרדה : פתחנא ונקירנא . מיניה חלב וגיד הנשה : חלם . שנתחברה יחד כמתחלה : דסמתרי . עשב שמחבר כדאמרינן בסמקבל בב"ת ובאלו טרפות דעביד ליה סמתרי וחיי : דריתמא : רותם שאין גחליו כבין מהרה : אורזילא דימא . ראמים שבים : נחש בריח . הוא

דעם פיש . איז דער פיש לעבעדיג גיווארין . איז דער פיש נאך אמאהל גיקומען צוא דיא שיף אונ האט איר גיוואקט איין שלינגען . איז נאך אמאהל גיקומען דיא קראה אונ הט אפ גיהאקט דיא קאפ פון דעם פיש . איז גינאנגען דער שווימער אונ האט גינומען דעם טייערין שטיין אונ האט אים אריין גיווארפען אין דיא שיף . אונ אין דיא שיף זענען גיוועזען פייגלאך איין גיזאלצענע צום עסין . האט דער שווימער גילייגט דעם שטיין אויף דיא טויטע פייגלאך זענען די פייגלאך לעבעדיג גיווארין אונ זייא האבען גינומען דעם שטיין אונ זענען מיט אים אוועק גיפלויגין :

כ תנו רבנן . דיא רבנן האבען גילערונט אמאהל איז רבי אליעזר אונ רבי יהושע גיפארען אין אשיף אויף דעם ים . איז רבי אליעזר גישלאפען . אונ רבי יהושע איז אויף גיוועזן , האט רבי יהושע אציטער גיטאהן פון שרעק . האט זיך רבי אליעזר אויף געוואכט . הט רבי אליעזר גזאגט צו רבי יהושע וואס איז דאס . פאר וואס האסטו אציטער גיטאהן . הט רבי יהושע גזאגט אגרויסע בעלייכטונג האב איך גיזעהן אויף דעם ים . הט רבי אליעזר גזאגט טאמער האסטו גיזעהן דיא אויגען פון לויתן . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דיא אויגען פון לויתן זענען וויא די ברעמען פון דעם מארגין שטערין :

כא אמר . רב אשי האט גזאגט הונא בר נתן האט מיר גזאגט אמאהל בין איך גיגאנגען אין דער מדבר אונ מיר האבען גיהאט מיט אונז אפאקע פלייש פון אבהמה (אאינטערשטע פערטיל אקס) . מיר האבען גיעפינט דיא פלייש אונ אוים געטרייבערט (ארוים גינומען דיא חלב מיט דיא טרפה אדערין) . אונ מיר האבען דיא פלייש גילייגט אויף דעם גראז . ביז מיר האבען גיברייננט האלץ צוא מאכען פייער . איז דיא פלייש צוריק בהעפט גיווארין . עס איז ניט גיוועזען צוא דער קענען אז מען האט געשניטען אין דיא פלייש . אונ מיר האבען דיא פלייש גיבראטען . אין צוועלף חדשים ארום אז מיר זענען צוריק גיקומען אויף דעם ארט . האבען מיר גיזעהן דיא קוילין ברענען נאך . אז איך בין גיקומען פאר אמימר אונ האב אים דאס דער ציילט . האט אמימר צוא מיר גזאגט דיא גראז וואס האט גאנץ גימאכט דיא פלייש הייסט סמתרי . אונ דיא קוילין וואס האבען גיברענט אזאהר . זייא זענען גיוועזען פון דעם האלץ וואס הייסט רתמא . עס שטייט אין פסוק גאט האט בשאפען דיא גרויסע תנינים . וואס מיינט מען תנינים . אין בבל זאגט מען דאס איז אורזילא דימא . דיא ווילד טירען וואס זענען אין ים (ווילד איז אגרויסע חיה) . רבי יוחנן זאגט דאס זענען די צוויי פיש וואס הייסען לויתן . איינער איז אזכר אונ ער הייסט נחש בריח . ווייל ער שווימט גלייך וויא אריגול . אונ איינע איז אנקבה . זיא הייסט נחש עקלתון . ווייל זיא איז איין גיבויגען קרום אונ זיא רינגעלט ארום דיא גאנצע וועלט .

בריח ולויתן נחש עקלתון דכתיב (ישעיה מ) ביום ההוא יפקד ה' בחרבו הקשה וגו' על לויתן וגו' :

כב א"ר יהודה א"ר כל מה שברא הקב"ה בעולמו זכר ונקבה בראם ואף לויתן נחש בריח ולויתן נחש עקלתון זכר ונקבה בראם ואלמלי נזקקין זה לזה מחריבין את כל העולם מה עשה הקב"ה סירס את הזכר והרג את הנקבה ומלחה לצדיקים לעתיד לבא שנאמר (ישעיה כו) והרג את התנין אשר בים . ואף בהמות בהררי אלף זכר ונקבה בראם ואלמלי נזקקין זה לזה מחריבין את כל העולם מה עשה הקב"ה סירס את הזכר וצינן את הנקבה ושמרה לצדיקים לעתיד לבא שנאמר (איוב מ) הנה נא כחו במתניו ואונו בשרירי בטנו . הנה נא כחו במתניו זה זכר ואונו בשרירי בטנו זו נקבה התם נמי לסרסיה לזכר וליצננה לנקבה דגים פריצי וליעבד איפכא אבע"א מלחא דנוקבתא עדיף אבע"א כיון דכתיב (תהלים קד) לויתן זה יצרת לשחק בו בהדי נקבה לאו אורח ארעא הכא נמי למלחה לנקבה

כוורא

ויהן זכר ויקיף הוא כבריח : עקלתון . לויתן נקבה שמקיף את כל העולם : זכר ונקבה בראם . כדכתיב נחש בריח ונחש עקלתון: מחריבין את העולם . שיהו להן ולדות הרבה גדולים שמחריבין את העולם : סירס את הזכר . שלא יזקק לנקבה דתניא א"נ דלא ליהוי ליה צער מאוה : שנאמר והרג את התנין . סיפיה דהאי קרא דיפקוד ה' בחרבו הקשה הוא ומדלא כתיב יהרוג וכתיב יפקוד קרא דריש הכי והכי משמע ליה קרא יפקוד ה' בחרבו הקשה על לויתן נחש בריח לעתיד לבא כאשר עשה את לויתן נחש עקלתון שהרי הרג את התנין אשר בים משמת ימי בראשית : בהררי אלף . פסוק הוא בספר תהלים במזמור לאסף כי לי כל חיתו יער בהמות בהררי אלף על שם שרועה אלף הרים בכל יום : כחו במתניו . שלא הטיל זרע מימיו : ואונו בשרירי בטנו . שלא ילדה מימיה ולעיל מיניה כתיב באיוב הנה נא בהמות אשר עשיתי עמך : התם נמי . גבי לויתן : וליצננה . ללויתן נקבה ולמאי הרגה . דגים פריצי . ולא מהני בהו צינון : ה"ג אבע"א כיון דכתיב לויתן זה יצרת לשחק וכו' . כדאמרינן במס' ע"ז בשעה רביעית הקב"ה יושב ומשחק עם לויתן : הכא נמי למלחה. לנקבה

אזוי ווי עס שטייט אין פסוק אין דעם זעלביגען טאג וועט גאט בפעלין מיט זיין שטארקין שווערד אויף דעם לויתן דאס ער הייסט נחש בריח אונ אויף דעם לויתן וואס ער הייסט נחש עקלתון :

כב אמר · רב יהודה האט געזאגט פון רבס ווענין אלץ וואס גאט האט בשאפען אויף דער וועלט האט ער בשאפען א זכר מיט א נקבה . אונ דער לויתן נחש בריח אונ דער לויתן נחש עקלתון . איז אויך איינער א זכר אונ איינע א נקבה . אונ ווען זייא וואלטין זיך בהעפט איינער מיט דעם אנדערין זייא זאלין האבין קינדער . וואלטין זייא חרוב גימאכט דיא וועלט . וואס האט גאט גיטאהן . דעם זכר האט ער גימאכט א סרים (ער זאל זיך ניט קענען בהעפטין צו א נקבה) . אונ די נקבה האט ער גיהרגת אונ ער האט איר איין גיזאלצען צו דיא צדיקים ווען משיח וועט קומען . ווארום עס שטייט אין פסוק ער האט גיהרגת דעם פיש וואס אין ים : אונ דיא בהמות וואס עסין אויף א טאג טויזענד בערג גראז האט אויך גאט בשאפען איינעם א זכר אונ איינע א נקבה אונ ווען זייא וואלטין זיך בהעפטין איינער מיט דעם אנדערין זייא זאלין האבען קינדער . וואלטין זייא חרוב גימאכט דיא וועלט . וואס האט גאט גיטאהן : דעם זכר האט ער גימאכט א סרים (ער זאל זיך ניט קענען בהעפטין צוא א נקבה) : אונ ער האט אפ געקילט די נקבה · זי זאל ניט גלוסטען צו א זכר . אונ זיא ווערט געהיט פאר דיא צדיקים ווען משיח וועט קומען . אזו ווי עס שטייט אין פסוק זיין קראפט איז אין זיינע לענדין דאס מיינט מען דעם זכר (ווס איז פון אים ניט ארויס גיגאנגען זרע) . זיין קראפט איז אין נאפיל פון זיין בויך . דאס מיינט מען דיא נקבה (ווייל זיא האט ניט גיהאט קיין קינדער) . פרעגט דיא גמרא האט מען ביי דעם לויתן אויך גידארפט אזוי טאהן . דעם זכר מאכען פר א סרס · אונ די נקבה זאל מען אפ קילען . פאר וואס האט מען איר גיהרגת . ענפערט דיא גמרא פיש האבען גרויסע תאוות צוא מזנה זיין ; וואלט ניט גיהאלפען וואס מען וואלט איר אפ גקיהלט . פרעגט דיא גמרא פאר וואס האט גאט ניט גיטאהן פאר קערט . ער זאל הרגנן דעם זכר אונ אים איין זאלצען . ענפערט דיא גמרא אז דוא ווילסט וועל איך דיר זאגין אפ"ש א נקבה איין גיזאלצען · איז בעסער ווייא א פיש א זכר איין גיזאלצען . אונ אז דוא ווילסט וועל איך דיר זאגן ווייל עס שטייט אין פסוק דעם לויתן האסטו

כוורא מליחא מעלי בשרא מליהא לא מעלי:

כג ואמר רב יהודה אמר רב בשעה שבקש הקב"ה לברוא את העולם א"ל לשר של ים פתח פיך ובלע כל מימות שבעולם אמר לפניו רבש"ע די שאעמוד בשלי בעט בו והרגו שנאמר (איוב כו) בכחו רגע הים ובתבונתו מחץ רהב אמר רבי יצחק ש"מ שר של ים רהב שמו ואלמלא מים מכסים אותו אין כל בריה יכולה לעמוד מפני ריחו שנאמר (ישעיה יא) לא ירעו ולא ישחיתו בכל הר קדשי כי מלאה הארץ דעה את ה' כמים לים מכסים אל תקרי לים מכסים אלא לשר של ים מכסים:

כד אמר רב יהודה אמר רב ירדן יוצא ממערת פמיים תניא נמי הכי ירדן יוצא ממערת פמייס ומהלך בימה של סיבכי ובימה של טבריא ומתגלגל ויורד עד שמגיע לפיו של לויתן שנאמר (איוב מ) יבטח כי יגיח ירדן אל פיהו. מתקיף לה רבא בר עולא האי בבהמות בהררי אלף כתיב אלא אמר רבא בר עולא אימתי בהמות בהררי אלף בטוחות בשעה שמגיח ירדן לפיו של לויתן. כי אתא רב דימי אמר רבי (יונתן) [יוחנן] מאי

נקבה ומה בלע לחיותה ולגננה : ובלע כל מימות, כדי שתראה היבשה : די שאבלע. מים שלי דלספי כתיב והים אינו מלא שבולע אותם : רוגע הים. לשון שבירה : מפני ריחו. שהוא מוסרח לפי שמת ולכך הוא מסריח : אל תקרי לים מכסים. שהרי הים עצמו מים הוא ע"כ פי' רשב"ם ז"ל : אימתי בהמות בהררי אלף בטוחות. שלא יומתו כל שעה שיגיח הירדן אל פיו של לויתן דכל זמן

בשאפען דוא זאלסט דיך שפילען מיט איהם. ווייל גאט שפילט זיך מיט דעם לויתן. מיט א נקבה פאסט ניט גאט זאל זיך שפילען. פרעגט דיא גמרא ביי די בהמות פאר וואס האט מען ניט איין גיזאלצענע די נקבה. ענטפערט דיא גמרא פיש א'ין גיזאלצענע איז גוט. פלייש איין גיזאלצענע איז ניט גוט:

כג ואמר. נאך האט רב יהודה גיזאגט פון רבס וועגין ווען גאט האט גיוואלט בשאפען דיא וועלט. האט גאט גיזאגט צום שר פון ים עפין דיין מויל אונ שלינג איין אלע וואסערין וואס איז דא אויף דער וועלט. האט דער שר פון ים גיזאגט פאר גאט רבונו של עולם גענוג פאר מיר וואס איך דער האלט מיינע וואסער. האט גאט אטרעט גיטאהן אויף איהם אונ האט איהם גיהרגעט. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק מיט זיין כח האט ער גישפאלטען דעם ים. אונ מיט זיין פאר שטאנדיקייט האט ער גישלאגין דעם רהב. רבי יצחק זאגט פון דאנען ווייסען מיר אז דער שר פון ים הייסט רהב. ווען דיא וואסער וואלט ניט צוא גידעקט דעם גישטארבינעם שר. וואלט קיין מענטש ניט גיקענט אויס האלטען פון דעם שלעכטען ריח: ווייל עס שטינקט פון איהם אזוי וויא פון א גישטארבינעם מענטש. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק זייא וועלין ניט שלעכטס טאן אונ זייא וועלין ניט פאר דארבין אויף מיין גאנצען הייליגען בארג. ווייל דיא וועלט וועט פול ווערין מיט וויסענשאפט פון גאט כמים לים מכסים אזוי וויא דיא וואסער וואס דעקין צוא דעם ים. דו זאלסט ניט לייענען לים מכסים. דיא וואסער דעקין צוא דעם ים. נאר זאלסט לייענען לשר של ים מכסים. דיא וואסער דעקין צו דעם שר פון ים:

כד אמר. רב יהודה הט גיזאגט פון רבס וועגין דער ירדן גייט ארויס פון א קעלער פון דער שטאט פמיים: זאגט דיא גמרא מיר האבען אויך אזוי גילערונט דער ירדן גייט ארויס פון א קעלער פון דער שטאט פמיים. אונ ער גייט ביז אין דעם ים פון סיבכי אונ אין דעם ים פון טבריה. דער נאך פאלט ער אריין אין דעם גרויסען ים. אונ אין דעם גרויסען ים גייען די וואסער פון ירדן ביז צו דיא מויל פון לויתן. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דער לויתן איז פאר זיכערט אז דער ירדן וועט זיך ציהען צו זיין מויל: הט רבא בר עולא גיפרעגט דער פסוק שטייט גאר ביי דיא בהמות וואס עסין אויף אלע טאג גראז פון טויזענד בערג. האט רבא בר עולא גיענטפערט אזוי מיינט דער פסוק ווען זענען דיא בהמות וואס עסין אויף אלע טאג גראז פון טויזענד בערג. זיכער אז זייא וועלין נאך לעבין. ווען די וואסער פון ירדן ציהען זיך צום מויל פון לויתן. ווארום

מאי דכתיב (תהלים כד) כי הוא על ימים יסדה ועל נהרות יכוננה אלו שבע ימים וארבע נהרות שמקיפין את א"י ואלו הן שבע ימים ימה של טבריא וימה של סדום וימא של חילת וימה של חילתה וימה של סבכי וים אספמיא וים הגדול ואלו הן ארבע נהרות ירדן וירמוך וקירומיון ופיגה. כי אתא רב דימי אמר רבי יונתן עתיד גבריאל לעשות (דף עה) קניגיא עם לויתן שנאמר (איוב מ) תמשוך לויתן בחכה ובחבל תשקיע לשונו ואלמלא הקדוש ב"ה עוזרו אינו יכול לו שנאמר (שם) העושו יגש חרבו. כי אתא רב דימי אמר רבי יונתן בשעה שלויתן רעב מוציא הבל מפיו ומרתיח מימות שבמצולה שנאמר (שם) ירתיח כסיר מצולה ואלמלא מכניס ראשו לג"ע אין כל בריה יכולה לעמוד בריחו שנאמר (שם מא) ים ישים כמרקחה. ובשעה שצמא עושה תלמים תלמים בים שנאמר (שם) אחריו יאיר נתיב. א"ר אחא בר יעקב אין תהום חוזר לאיתנו עד שבעים שנה שנא' (שם) יחשב תהום לשיבה ואין שיבה פחותה משבעים שנה:

שאלה הי בשיחים הם כמו הן: כי הוא. הקב"ה על ימים יסדה לא"י: קניגיא. מדת חיות בקשת ורומח כל מיני מדה קרוי כן וכן בשחיטת חולין וכי משה רבינו קניגי היה או בליסטרי היה: תמשוך וגו'. וכי אתה יכול לעשות קניגיא עם לויתן מכלל דעתידה לעשות: העושו יגש חרבו. בבהמות כתיב באיוב וה"ה ללויתן: מפני ריחו. שמתוך שיש לו הבל ותמימות הרבה יוצא ריח קשה: כמרקחה. כבשמים כמו רוקח מרקחת מתוך שהבשמים ראשו לג"ע: תלמים תלמים. שנראין הפירות עמוקים בים כתלמים של מחרישה: אחריו. כשהוא יאיר נתיב בים: אינו חוזר לאיתנו. מרוב המים שהסרו:

אמר

אזוי לאנג וויא דער לויתן לעבט. לעבין דיא בהמות אויך. אז רב דימי איז גיקומען האט ער גזאגט פון רבי יוחנן וועגין עס שטייט אין פסוק גאט האט געגרינדעט ארץ ישראל אויף ימים. אונ אויף טייכען האט ער זיא גיפעסטיגט. אויף וויא פיל ימים אונ וויא פיל טייכען. דם מיינט מען דיא זיבען ימים אונ דיא פיר טייכען וואס זייא רינגלען ארום ארץ ישראל. דאס זענען דיא זיבען ימים. דער ים פון טבריה. דער ים פון סדום. דער ים פון חילת. דער ים פון חילתה. דער ים פון סיבכי. דער ים פון אספמיא. אונ דער גרויסער ים. אונ דאס זענען דיא פיר טייכען. ירדן ירמוך קירימיון פיגה. אז רב דימי איז גיקומען האט ער גזאגט פון רבי יוחנן וועגין ווען משיח וועט קומען וועט דער מלאך גבריאל האבען א מלחמה מיט דעם לויתן. ער וועט וועלין פאנגען דעם לויתן. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק גאט האט גזאגט צוא איוב וועסטו קענען ציהען דעם לויתן מיט אווענטקע. וועסטו קענען מיט א שטריק ארויס ציען זיין צונג. זעהן מיר אז מען וועט דארפין פאנגען דעם לויתן. נאר איוב וועט אים ניט קענען פאנגען. אונ ווען גאט וואלט ניט גיהאלפען דעם מלאך גבריאל. וואלט ער אים אויך ניט גיקענט פאנגען. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דער וואס האט אים בשאפען וועט גיגענגן צו אים מיט זיין שווערד. אז רב דימי איז גיקומען האט ער גזאגט פון רבי יוחנן וועגין ווען דער לויתן איז הונגעריג ציהט ער אויס א היץ פון זיין מויל אז אלע וואסער פון דער טיפעניש ווערין הייס. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ער מאכט הייס דיא טיפעניש אז זייא קאכען ווי א טאפ. ווען דער לויתן וואלט ניט ארין גישטעקט זיין קאפ אין גן עדן. וואלט קיין בשעפעניש ניט גיקענט בשטיין בייא זיין שלעכטין ריח וואס גייט ארויס פון זיין מויל ווען ער איז הונגעריג. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אז ער נעמט ארויס דיא קאפ פון גן עדן. אונ שטעקט צוריק ארין אין וואסער פון ים. מאכט ער דעם ים ער זאל שמעקין וויא בשמים פון גן עדן. אונ ווען ער איז דארשטיג אונ ער טרינקט דיא וואסער פון ים. ווערט דער ים אזוי וויא אגיהאקערטע פעלד. מען דער קענט וויא דיא וואסער פעלט אין ים. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק נאך זיין טרינקען ווערט אוועג אין וואסער. רבי אחא בר יעקב זאגט דער אבגרונד קומט ניט צוא זיין שטארקייט. דיא וואסער ווערט ניט דער פילט צוריק וויא זא איז גיוועזן. ביז זיבעציג יאהר. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ער רעכנט דעם אבגרונד צו אלט. אונ אלט הייסט ניט ווייניגער וויא זיבעציג יאהר:

כה אמר רבה (בר בר הנה) אמר רבי יוחנן עתיד הקב"ה לעשות סעודה לצדיקים מבשרו של לויתן שנאמר (שם מ) יכרו עליו חברים ואין כירה אלא סעודה שנאמר (מ"ב ו) ויכרה להם כרה גדולה ויאכלו וישתו ואין חברים אלא תלמידי חכמים שנאמר (שה"ש ח) היושבת בגנים חברים מקשיבים לקולך והשאר חולקים אותו ועושים בו סחורה בשוקי ירושלים שנאמר (איוב מ) יחצוהו בין כנענים ואין כנענים אלא תגרים שנאמר (הושע יב) כנען בידו מאזני מרמה לעשוק אהב, ואבע"א מהכא (ישעיה כג) אשר סוחריה שרים כנעניה נכבדי ארץ:

סוכה. היינו מלמעלה גג וד' דפנות מד' רוחות: צלצל. היינו סכוך בלא מה נות: והקשרנו. היינו דבר מועט שקושרין לתלות בצוארו כמין קמיע:

בו ואמר רבה אמר ר' יוחנן עתיד הקב"ה לעשות סוכה לצדיקים מעורו של לויתן שנאמר (איוב מ) התמלא בשכות עורו זכה עושין לו סוכה לא זכה עושין לו צלצל שנאמר (שם) ובצלצל דגים ראשו זכה עושין לו צלצל לא זכה עושין לו ענק שנאמר (משלי א) וענקים לגרגרותיך זכה עושין לו ענק לא זכה עושין לו קמיע שנאמר (איוב מ) ותקשרנו לנערותיך והשאר פורסו הקב"ה על חומות ירושלים וזיוו מבהיק מסוף העולם

כה אָמַר: רַבָּה בַּר בַּר חָנָה האט גזאגט פון רַבִּי יוֹחָנָן וועגין ווען מָשִׁיחַ וועט קימען וועט גאט מאכען אַסְעוּדָה פאר דיא צַדִּיקִים פון דיא פלייש פון לִוְיָתָן. אזוי וויא עס שטייט יִכְרוּ עָלָיו חֲבֵרִים. יִכְרוּ איז דער טייטש אַסְעוּדָה. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק וַיִּכְרֶה לָהֶם כֵּרָה גְדוֹלָה. ער האט גימאכט פאר זייא אגרויסע סְעוּדָה אונ זייא האבען גיגעסען אונ גיטרונקען. חֲבֵרִים מיינט מען תַּלְמִידֵי חֲכָמִים. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק הַיּוֹשֶׁבֶת בַּגַּנִּים חֲבֵרִים מַקְשִׁיבִים לְקוֹלֵךְ. דיא תַּלְמִידֵי חֲכָמִים וואס זיצען אין דיא גערטנער (אין דיא בָּתֵּי מִדְרָשִׁים) אונ פאר נעמען דעם קול פון גאט. זייא הערין זיין תּוֹרָה. אונ דיא איבעריגע פלייש פון לִוְיָתָן וואָרום אין לִוְיָתָן איז דא מער פלייש וויא דיא וואס מען וועט דארפין צוא דער סְעוּדָה) וועט מען צוא טיילען אונ מען וועט האנדלען מיט דיא פלייש אין דיא גאסען פון יְרוּשָׁלַיִם. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק יַחֲצוּהוּ בֵּין כְּנַעֲנִים. מען וועט אים צוא טיילען צווישען כְּנַעֲנִים. אונ כְּנַעֲנִים מיינט מען כּוֹחֲרִים. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק כְּנַעַן בְּיָדוֹ מֹאזְנֵי מִרְמָה לַעֲשׁוֹק אָהֵב. דער סוֹחֵר האלט אין האנט דיא פאלשע וואג ער האט ליב צוא גזלען: אז דוא ווילסט וועל איך דיר זאגין פון דעם פסוק אֲשֶׁר סוֹחֲרֶיהָ שָׂרִים כִּנְעָנֶיהָ נִכְבַּדֵּי אָרֶץ: אירע הענדלערס זענען הערין (פירשטען) אונ אירע הענדלערס זענען דיא גרעסטע לייט פון דער וועלט:

כו וְאָמַר. נאך האט רַבָּה גזאגט פון רַבִּי יוֹחָנָן וועגין אז מָשִׁיחַ וועט קומען וועט גאט מאכען אַסוּכָּה פאר די צַדִּיקִים פון דיא פעל פון לִוְיָתָן. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק הַתְמַלֵּא בְשֻׂכּוֹת עוֹרוֹ. פון זיין פעל וועסטו מאכען דעם גאנצען ארט פול מיט סֻכּוֹת. דער וואס וועט זוֹכֶה זיין. וועט מען אים מאכען אַסוּכָּה (אַדאך מיט פיר וועגט). אונ דער וואס וועט ניט זוֹכֶה זיין וועט מען אים נאר מאכען אַצִלְצַל (אַדאך אָן וועגט): אזוי וויא עס שטייט אין פסוק וּבְצִלְצַל דָּגִים רֹאשׁוֹ. מיט דיא הויט פון פיש וועט מען מאכען אַשאטין אויף זיין קאפ. דער וואס וועט זוֹכֶה זיין וועט מען פאר אים מאכען אַדאך פון דיא הויט פון לִוְיָתָן. אונ דער וואס וועט ניט זוֹכֶה זיין וועט מען אים מאכען אַהאלדז באנד ארום זיין האלדז אזוי וויא עס שטייט אין פסוק וַעֲנָקִים לְגַרְגְּרוֹתֶיךָ. אונ אַהאלדז באנד צוא דיין האלדז: דער וואס וועט זוֹכֶה זיין וועט מען אים מאכען אַהאלדז באנד. אונ דער וואס וועט ניט זוֹכֶה זיין וועט מען איהם מאכען אַקְמֵיעַ. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דוא וועסט אים אן בינדען פאר אַקְמֵיעַ צוא דיינע קליינע קינדער. אונ דיא איבעריגע הויט פון לִוְיָתָן וועט גאט פאר שפרייטען אויף דיא מאהערין פון יְרוּשָׁלַיִם. אונ דיא שיינקייט וועט לייכטען פון איין עק וועלט ביז צום אנדערין עק וועלט. אזוי

העולם. ועד סופו שנאמר (ישעיה ס) והלכו גוים לאורך ומלכים לנגה זרחך:

(ישעיה נד) **כד ושמתי** כדכד שמשותיך אר"ש בר נחמני פליגי בה תרי אמוראי בארעא יהודה וחזקיה בניו של ר"ח ותרי מלאכים ברקיע מיכאל וגבריאל ח"א שוהם וח"א ישפה אמר להם הקב"ה להוי כדין וכדין (שם) ושעריך לאבני אקדח כי הא דיתיב רבי יוחנן וקא דריש עתיד הקב"ה להביא אבנים טובות ומרגליות שהם שלשים על שלשים וחוקק בהן עשר ברום עשרים ומעמידם בשערי ירושלים לגלג עליו אותו תלמיד השתא כביעתא דצלצלתא לא משכחינן כולי האי משכחינן לימים הפליגה ספינתו בים חזא מלאכי השרת דקא מנסרי אבנים טובות ומרגליות שהם שלשים על שלשים וחקוק בהם עשר ברום עשרים אמר להו הני למאן אמרו ליה שעתיד הקב"ה להעמידן בשערי ירושלים אתא לקמיה דרבי יוחנן א"ל דרוש רבי ולך נאה לדרוש כאשר אמרת כן ראיתי אמר ליה ריקה אלמלא ראית לא האמנת מלגלג על דברי חכמים אתה נתן עיניו בו ונעשה גל

פירוש

שמשותיך. חומותיך. פליגי בה. בארבעה של חומות ירושלים ממה יהיו אלו אבנים שעתידין להיות: כדין וכדין. כדברי זה וכדברי זה [והיינו כדכד] משוהם וישפה תבנה ואע"פ שמקרא זה קדם לבני רבי חייא טובא י"ל שכן נתנבא ישעיה שכדברי כל המפרשים עתידה לבנות: וחוקק עשר. של רוחב ברום עשרים והיינו אקדח לשון קודח שחוקק בהם ומשמע נמי אבן טובה שמאירה כאש קודחת כמו קודחי אש: אקדח. קרבונקלא"ש בלע"ז וכתרגום יונתן אבני גומרי: כביעתא דצלצלתא. בילת עוף קטן בשמו צלצ"ל:

ווי עס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק דִי פֶעלְקֶער װֶעלִין גֵיין צוּ דַיין לִיכְטִיגְקֵייט. אוּנ דִי קֶענִיגֶען װֶעלִין גֵיין צוּ דִיא שַׁיינוּנְג פוּן דַיין לַייכְטוּנְג:

כד וְשַׂמְתִּי. גָאט הָאט גְזָאגְט אִיךְ װֶעל מַאכֶען דַיינֶע מָאהֶערִין פוּן כַּדְכֹּד. וָואס אִיז כַּדְכֹּד. הָאט רַבִּי שְׁמוּאֵל בַּר נַחְמָנִי גְזָאגְט אִין דֶעם קְרִיגֶען צְװֵיי אֱמוֹרָאִים אוֹיף דֶער עֶרְד. יְהוּדָה אוּנ חִזְקִיָּה דִיא קִינְדֶער פוּן רַבִּי חִיָּיא. אוּנ צְװֵיי מַלְאָכִים אִין הִימֶעל. מִיכָאֵל אוּנ גַבְרִיאֵל. אֵיינֶער זָאגְט כַּדְכֹּד אִיז שֹׁהַם. אוּנ אֵיינֶער זָאגְט כַּדְכֹּד אִיז יָשְׁפֵה. (שֹׁהַם אוּנ יָשְׁפֵה זֶענֶען צְװֵייא טַייעֶרֶע שְׁטֵיינֶער וָואס זֶענֶען גִיוֶועזֶען אִין חֹשֶׁן וְאֵפוֹד) הָאט גָאט גְזָאגְט זָאל זַיין וִויא דֶער זָאגְט אוּנ וִויא דֶער זָאגְט. מֶען זָאל מַאכֶען דִיא מָאהֶערִין פוּן יְרוּשָׁלַיִם. פוּן שֹׁהַם אוּנ פוּן יָשְׁפֵה. אִין פָּסוּק שְׁטֵייט דַיינֶע טוֹיעֶרִין װֶעלִין זַיין פוּן שְׁטֵיינֶער וָואס הֵייסֶען אֶקְדָּח. וָוארוּם רַבִּי יוֹחָנָן אִיז אַמָאהל גִיזֶעסֶען אוּנ הָאט גִידַרְשֶׁנְט אַז מָשִׁיחַ װֶעט קוּמֶען װֶעט גָאט בְּרֵיינְגֶען טַייעֶרֶע שְׁטֵיינֶער אוּנ פֶּערִיל וָואס װֶעלִין זַיין גְרוֹיס דְרַייסִיג אֵיילִין. אוּנ מֶען װֶעט אִין זֵייא אוֹיס שְׁנַייְדֶען אַלָאךְ פוּן צֶעהֶן אֵיילִין דִיא בְּרֵייט אוּנ צְוָואנְצִיג אֵיילִין דִיא לֵיינְג. אוּנ דָאס װֶעלִין זַיין דִי טוֹיעֶרִין פוּן יְרוּשָׁלַיִם וְדִרִיבֶּער װֶעט מֶען רוּפֶען דִיא שְׁטֵיינֶער אֶקְדָּח. וַוייל אֶקְדָּח אִיז דֶער טַייטְשׁ לֶעכֶערִין. מֶען װֶעט מַאכֶען אִין יֶעדֶער שְׁטֵיין אַלָאךְ פוּן צֶעהֶן אֵיילִין בְּרֵייט אוֹיף צְוָואנְצִיג אֵיילִין דִיא לֵיינְג. אוּנ אֶקְדָּח אִיז דֶער טַייטְשׁ בְּרֶענֶען. וַוייל דִיא שְׁטֵיינֶער װֶעלִין לַייכְטֶען אַזוֹי וִויא אַבְּרֶענֶענְדִיגֶער פַייעֶר. הָאט אַתַּלְמִיד גִילַאכְט פוּן רַבִּי יוֹחָנָן אוּנ הָט גְזָאגְט מַארָאךְ מִיר גֶעפִינֶען נִיט אַטַייעֶרִין שְׁטֵיין וָואס זָאל זַיין גְרוֹיס וִויא דִיא אֵיי פוּן דֶעם קְלֵיינֶעם פוֹיגִיל וָואס הֵייסְט צִלְצָל. װֶעלִין מִיר גֶעפִינֶען אַזוֹי אַגְרוֹיסֶען שְׁטֵיין וִויא דוּא זָאגְסְט. אַמָאהל אִיז דֶער תַּלְמִיד גִיפָארֶען אִין אַשִׁיף אוֹיף דֶעם יַם. אִיז דִיא שִׁיף פַאר יָאגְט גִיוָוארִין דוּרְךְ אַווִינְט אִין אַוַוייטֶע אִינְזוּל. הָאט דֶער תַּלְמִיד גִיזֶעהֶן וִויא מַלְאָכִים זֶעגִין טַייעֶרֶע שְׁטֵיינֶער אוּנ פֶּערִיל. וָואס זֵייא זֶענֶען גְרוֹיס דְרַייסִיג אֵיילִין דִיא לֵיינְג אוּנ דְרַייסִיג אֵיילִין דִיא בְּרֵייט. אוּנ זֵייא הָאבֶּען אוֹיס גִיזֶעגְט אִין יֶעדֶער שְׁטֵיין אַלָאךְ פוּן צֶעהֶן אֵיילִין דִיא בְּרֵייט אוּנ צְוָואנְצִיג אֵיילִין דִיא לֵיינְג. הָאט דֶער תַּלְמִיד גְזָאגְט צוּא דִיא מַלְאָכִים צוּא וָואס זֶענֶען דִיא טַייעֶרֶע שְׁטֵיינֶער מִיט דִיא פֶּערִיל. הָאבֶּען דִי מַלְאָכִים צוּא אִים גְזָאגְט דִיא שְׁטֵיינֶער אוּנ דִיא פֶּערִיל װֶעלִין זַיין טוֹיעֶרִין אִין יְרוּשָׁלַיִם. דֶער נָאךְ אִיז דֶער תַּלְמִיד גִיקוּמֶען פַאר רַבִּי יוֹחָנָן אוּנ הָאט גְזָאגְט צוּא אִים רַבִּי. דַרְשָׁן. פַאר דִיר פַּאסְט דוּא זָאלְסְט דַרְשֶׁנֶען. אַזוֹי וִויא דוּא הָאסְט גְזָאגְט הָאבּ אִיךְ גִיזֶעהֶן. הָאט רַבִּי יוֹחָנָן גְזָאגְט

גל של עצמות:

כח מיתיבי (ויקרא כו) ואולך אתכם קוממיות ר"מ אומר מאתים אמה כשתי קומות של אדם הראשון רבי יהודה אומר מאה אמה כנגד היכל וכתליו שנאמר (תהלים קמד) בנינו כנטיעים מגודלים בנותינו כזויות מחוטבות תבנית היכל כי קאמר רבי יוחנן לכוי דבי זיקא:

כט ואמר רבה (בר בר הנה) אמר ר"י עתיד הקב"ה לעשות שבע חופות לכל צדיק וצדיק שנאמר (ישעיה ד) וברא ה' על כל מכון הר ציון ועל מקראה ענן יומם ועשן ונגה אש להבה לילה כי על כל כבוד חפה (מאי כי על כל כבוד חפה) מלמד שכל אחד ואחד עושה לו הקב"ה חופה לפי כבודו ועשן בחופה למה א"ר חנינא כל מי שעיניו צרות בתלמידי חכמים בעה"ז מתמלאות עיניו עשן לעה"ב. ואש בחופה למה אר"ח מלמד שכל אחד ואחד נכוה מחופתו של חבירו אוי לה לאותה בושה אוי לה לאותה כלמה כיוצא בדבר אתה אומר (במדבר כז) ונתתה

קוממיות. ב' קומות שהי ממי"ן דריש: כב' קומות של אדם הראשון. שהיתה עד מאה אמה במס' חגיגה: כנגד היכל. של בית שני שהיה רומו מאה אמה ולפי קומתו צריך שערים גבוהים וקשה לר' יוחנן דאמר רוס עשרים: לכוי דבי זיקא. לחלונות העשויות לאויר והיינו שצריך דקרא מגופת התומה: ענן יומם. א' עשן ונגה ב' א' ד' להבה ה' כי על כבוד ו' חופה ז'. ול"נ כי על כל כבוד אינו מן החשבון אלא וסוכה תהיה לצל יומם דסמיך ליה לסיפיה דהאי קרא הוא הו' והאי על כל כבוד לכדמפרש בסמוך אתא: שעיניו צרות. שלא להנהות מנכסיו: נכוה. הוא הוא של קטן מחופתו של חבירו כגדול הימנו: שבאותו הדור. שראו משה ויהושע: אוי לאותה בושה. שבזמן מועט נתמעט הכבוד כל כך שהרי יהושע היה נביא ומלך כמשה ולא יכול

צום תַּלְמִיד װֶען דוּא װִאלְסְט נִיט גִיזֶעהְן װָאלְסְטוּ נִיט גִיגְלוֹיבְּט. לַאבְּסְטוּ דָאךְ פוּן דִי רֵייד וָואס דִיא חֲכָמִים דַרְשֶׁנֶן ׃ הָאט רַבִּי יוֹחָנָן אַקִּיק גִיטָאהְן אוֹיף דֶעם תַּלְמִיד אִיז פוּן אִים גִיוָוארִין אַבַּארְג בֵּיינֶער ׃

כח מֵיתִיבֵי. דִיא גְמָרָא פְרֶעגְט עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק וָאוֹלֵךְ אֶתְכֶם קוֹמְמִיּוּת ׃ רַבִּי מֵאִיר זָאגְט יֶעדֶער מֶענְטְשׁ װֶעט זַיין הוֹיךְ צְוַויי הוּנְדֶערְט אֵיילִין. צְוֵויי מָאהל אַזוֹי הוֹיךְ וִוי אָ"ם הָרִאשׁוֹן אִיז גִיוֶועזְן. רַבִּי יְהוּדָה זָאגְט יֶעדֶער מֶענְטְשׁ װֶעט זַיין הוֹיךְ הוּנְדֶערְט אֵיילִין. אַזוֹי הוֹיךְ וִוי דִיא װֶענְט פוּן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ זֶענֶען גִיוֶועזְן. אַזוֹ וִויא עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק אוּנְזֶערֶע זִיהְן װֶעלִין וַואקְסֶן וִויא דִיא פְלַאנְצוּנְגֶען. אוּנ אוּנְזֶערֶע טֶעכְטֶער װֶעלִין זַיין וִויא דִיא אוֹיס גִיהַאקְטֶע ווינְקְלֶען. אַזוֹי וִויא דֶער בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אִיז גִיוֶועזְן. אוּנ אַז דֶער בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אִיז הוֹיךְ הוּנְדֶערְט אֵיילִין. מוּזִין דָאךְ דִיא טוֹיעֶרִין אוֹיךְ זַיין הוֹיךְ. הֶעכֶער וִויא צְוַואנְצִיג אֵיילִין. אִיז דָאךְ אַקַשְׁיָא אוֹיף רַבִּי יוֹחָנָן וָואס עֶר זָאגְט פְרִיעֶר אַז דֶער אַרֵיין גַאנְג פוּן דִי טוֹיעֶרִין װֶעלִין זַיין הוֹיךְ נָאר צְוַואנְצִיג אֵיילִין. עֶנְטְפֶערְט דִיא גְמָרָא רַבִּי יוֹחָנָן מֵיינְט נִיט דִיא טוֹעֶרִין וָואס מֶען גֵייט אַרֵיין דוּרְךְ זֵייא וָאר עֶר מֵיינְט דִי פֶענְסְטֶער וָואס דֶער לוּפְט גֵייט אַרֵיין דוּרְךְ זֵיי. װֶעלִין זַיין בְּרֵייט צֶעהְן אֵיילִין אוּנ הוֹיךְ צְוַואנְצִיג אֵיילִין. אָבֶּער דִיא טוֹעֶרִין פוּן אַרֵיין גַאנְג װֶעלִין זַיין הֶעכֶער וִויא צְוַואנְצִיג אֵיילִין ׃

כט וְאָמַר. נָאךְ הָאט רַבָּה גִזָאגְט פוּן רַבִּי יוֹחָנָן'ס וֶועגִין וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען װֶעט גָאט מַאכֶען זִיבֶּען חוּפּוֹת צוּא יֶעדֶער צַדִּיק. אַזוֹ וִויא עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק גָאט װֶעט בַּשַׁאפֶען אוֹיף דֶעם גַאנְצֶען אָן בְּרֵייטוּנְג פוּן דֶעם בַּארְג צִיוֹן אוּנ אוֹיף אִירֶע גֶערוּפֶענֶע. אַוָאלְקִין בַּייא טָאג. אוּנ אַרוֹיךְ. אוּנ אַלִיכְטִיגְקֵייט. אוּנ אַפְלַאם פַייעֶר בַּיי נַאכְט. וָוארוּם אוֹיף יֶעדֶער כָּבוֹד װֶעט זַיין אַחוּפָּה. פְרֶעגְט דִיא גְמָרָא פַאר קֶערְט הָאט דָאךְ גִיזַאגְט שְׁטֵיין. אוֹיף יֶעדֶער חוּפָּה װֶעט זַיין כָּבוֹד. נָאר דֶער פָּסוּק לֶערְנְט אוּנְז אַז גָאט מַאכְט פַאר יֶעדֶער צַדִּיק אַחוּפָּה נָאךְ זַיין כָּבוֹד. צוּא וָואס דַארְף מֶען אַרוֹיךְ אִין דִיא חוּפָּה. הָאט רַבִּי חֲנִינָא גִזָאגְט דֶער מֶענְטְשׁ וָואס הָאט נִיט גִיוָואלְט אַתַּלְמִיד חָכָם זָאל הַנָאָה הָאבֶּען פוּן זַיין פַאר מֶעגִין אוֹיף דֶער װֶעלְט. װֶעלִין זַיינֶע אוֹיגֶען פוּל װֶערִין מִיט רוֹיךְ אוֹיף יֶענֶע װֶעלְט. צוּ וָואס דַארְף מֶען פַייעֶר אִין דֶער חוּפָּה ׃ הָאט רַבִּי חֲנִינָא גִזָאגְט דֶער פָּסוּק לֶערְנְט אוּנְז. אַז יֶעדֶער צַדִּיק וֶועט אָפּ גֶעבְּרִיט װֶערִין פוּן דֶעם פַייעֶר וָואס װֶעט זַיין אִין דֶעם חֲבֵרְ'ס חוּפָּה. דֶער קְלֶענֶערֶער צַדִּיק וֶועט אָפּ גֶעבְּרִיט הֶערִין פוּן דֶעם פַייעֶר וָואס װֶעט זַיין אִין דֶער חוּפָּה פוּן גְרֶעסֶערִין צַדִּיקִ. וַויי צוּא דִיא שַׁאנְד וַויי

להג"ע לכבודו: בעדן גן אלהים היית. בחירם מלך צור כתיב וכי סבור אתה להיות כאדה"ר שהיה בג"ע והיה לו כל החופות הללו: אודם פטדה גו'. עד זהב הרי י' אבל כל אבן יקרה לא קחשיב דכולל ואח"כ מפרש מאי כל אבן יקרה אודם פטדה וגו': וזהב אר"י גרוע שבכולן זהב וכו'. וזהב אקרא קא מהדר לפרושי גרוע שבכולן זהב מכלל דחשיבי יותר מדאי: בך נסתכלתי. כשבראתי עולמי שאתה עתיד למרוד בי ולעשות עצמך אלוה ובראתי באדם נקבים שמוציאין רעי. תוף חלול הוא וגם מנוקב ביום הבראך כוננו ביום שנבראתי אל גבי דהאי נבלא בן ביום כוננו הנקבים באדם: וקנסתי לו מיתה. והיינו תופיך הקבר שהוא חלול כמו תוף:

ונהתה מהודך עליו ולא כל הודך זקנים שבאותו הדור אמרו פני משה כפני חמה פני יהושע כפני לבנה אוי לה לאותה בושה אוי לה לאותה כלמה. אמר רבי חמא ברבי חנינא עשר חופות עשה הקדוש ב"ה לאדם הראשון בגן עדן שנאמר (יחזקאל כח) בעדן גן אלהים היית כל אבן יקרה מסוכתך אודם פטדה וגו' מר זוטרא אמר אחת עשרה שנאמר כל אבן יקרה מסוכתך אמר רבי יוחנן וגרוע שבכולם זהב דקא חשיב ליה לבסוף מאי (שם) מלאכת תפיך ונקביך בך אמר רב יהודה אמר רב אמר לו הקדוש ברוך הוא להירם מלך צור בך נסתכלתי ובראתי נקבים נקבים באדם וא"ד ה"ק בך נסתכלתי (ע"ב) וקנסתי מיתה על אדם הראשון. מאי (ישעיה ד) ועל מקראה אמר רבה אמר רבי יוחנן לא כירושלים של עוה"ז ירושלים של עוה"ב ירושלים של עוה"ז כל הרוצה לעלות עולה של עולם הבא אין עולין לה אלא המזומנים לה:

צוא דיא חרפה. וואס דיא קלענערע צדיקים וועלין זיך שעמען פאר דיא גרעסערע. נאך אזוי אפליינען זאגט דער פסוק גאט האט גזאגט צוא משה דוא זאלסט געבין פון דיין שיינקייט אויף יהושע: פון דיין שיינקייט אבער ניט דיין גאנצע שיינקייט. דיא אלטע לייט פון דעם דור וואס זייא האבען געזעהן משה אונ יהושע האבען גזאגט. דער פנים פון משה האט געלויכטען וויא דיא זוהן. אונ דער פנים פון יהושע האט געלויכטען וויא דיא לבנה. ווייא צוא דיא שאנדע וויי צוא דיא חרפה. רבי חמא ברבי חנינא האט גזאגט צעהן חופות האט גאט גימאכט צוא אדם הראשון אין גן עדן. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק גאט האט גזאגט צו חירם דער מלך פון צור דוא מיינסט צוא זיין וויא אדם הראשון. ביסט דען אויך גיוועזן אין עדן אין דעם געטליכען גארטען. האט מען דאהט פאר דיר אויך גימאכט צעהן סוכות פון טייערע שטיינער פון אודם פטדה יהלום תרשיש שוהם ישפה ספיר נופך ברקת וזהב. מר זוטרא זאגט עלף סוכות איז גיוועזן. ווארום עס שטייט אין פסוק כל אבן יקרה מסוכתך. איין סוכה איז נאך גיוועזן אעלפטע וואס זיא איז גיוועזן גימאכט פון אלע טייערע שטיינער צו זאמען. רבי יוחנן זאגט דיא סוכה וואס איז גיוועזן גימאכט פון גאלד. איז גיוועזן דיא ערגסטע סוכה. ווייל דער פסוק רעכונט גאלד צום לעצטין. וואס מיינט דער פסוק דיא ארבעט פון דיין פויק אונ פון דיינע לעכער וואס זענען גימאכט אין דיר נאפויק מיינט מען דעם בויך. ווייל ער איז גימאכט וויא א פויק אינווייניג ליידיג. האט רב יהודה גזאגט פון רבס וועגין גאט האט גזאגט צוא חירם דער מלך פון צור ווען איך האב בשאפען דיא וועלט האב איך גיקוקט אויף דיר. אז דו וועסט אמאהל גיבארין ווערין אונ דוא וועסט דיך מאכען פאר אגאט. דריבער האב איך בשאפען אין מענטשין אבויך: אונ נאך רעכער. פון דעם עסין זאל ווערין צואה. אונ דיא צואה זאל ארוס גיין פון מענטשין. מען זאל דיך ניט האלטען פאר אגאט. אנדערע זאגין אזוי האט גאט גזאגט צוא חירם ווען איך האב בשאפען דיא וועלט האב איך גיקוקט אויף דיר. אז דוא וועסט אמאהל גיבארין ווערין אונ דו וועסט זיך מאכען פאר אגאט. דריבער האב איך גיקנסת אויף אדם הראשון אונ אויף אלע מענטשין זייא זאלין שטארבען ודעם פויק מיינט מען דעם קבר. פריער שטייט דיא חופות וועלין זיין צוא דיא גערופענע. האט רבה גזאגט פון רבי יוחנס וועגין דער ירושלים פון משיחס צייט וועט ניט זיין וויא דער ירושלים וואס היינט איז. דער ירושלים וואס היינט איז ווער עס וויל קומען אין ירושלים. דער קומט. אבער דער ירושלים וואס וועט זיין ווען משיח וועט קומען. וועלין ניט טארין אריין קומען אין ירושלים נאר די מענטשין וואס מען וועט זיי רופען זיי זאלין קומען:

ל אמר רבה אמר רבי יוחנן עתידין צדיקים שנקראים על שמו של הקדוש ב"ה שנאמר (ישעיה מג) כל הנקרא בשמי ולכבודי בראתיו יצרתיו אף עשיתיו. א"ר שמואל בר נחמני א"ר יוחנן ״) שלשה נקראו על שמו של הקב"ה ואלו הן . צדיקים . ומשיח . וירושלים . צדיקים הא דאמרן . משיח דכתיב (ירמיה כג) וזה שמו אשר יקראו ה' צדקנו . ירושלים דכתיב (יחזקאל מח) ושם העיר מיום ה' שמה אל תקרי ה' שמה אלא ה' שמה . אמר רבי אלעזר עתידין צדיקים שאומרים לפניהם קדוש כדרך שאומרים לפני הקב"ה שנאמר (ישעיה ד) והיה הנשאר בציון והנותר בירושלים קדוש יאמר לו. ואמר רבה א"ר יוחנן עתידה ירושלים שתגבה שלשה פרסאות למעלה שנאמר (זכריה יד) וראמה וישבה תחתיה מאי תחתיה כתחתיה וממאי דהאי תחתיה שלשה פרסי הויא אמר רבה אמר לי ההוא סבא לדידי חזי לי ירושלים קמייתא תלתא פרסי הואי ושמא תאמר יש צער לעלות ת"ל (ישעיה ס) מי אלה כעב תעופינה א"ר פפא ש"מ האי עיבא תלתא פרסי מידלי . אמר רבי חנינא בר פפא בקש הקב"ה לתת את ירושלים במדה שנאמר (זכריה ב) ואומר (אל המלאך הדובר בי) אנה אתה הולך ויאמר אלי למוד את ירושלים לראות

״) בילקוט ירמיה „יונתן״

נקראו על שמו . שיהא שמם ה׳ : אל תקרי ה׳ שמה. אלא ה׳ שמה : לומר לפניהם . מלאכים יאמרו : ש"מ. מדקרא מדמה עיבא לסעלאת ירושלים דהאי עיבא תלתא פרסי מדלין מן ארעא : למוד

ל אָמַר . רַבָּה הָאט גְזָאגְט פוּן רַבִּי יוֹחָנָן וֶועגִין וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועלִין דִיא צַדִיקִים גִירוּפֶען וֶוערִין אוֹיף דֶעם נָאמֶען פוּן גָאט . זֵייעֶר נָאמֶען וֶועט זַיין ה׳ . אַזוֹ וִויא עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק אַלֶע וֶועלִין גִירוּפֶען וֶוערִין אוֹיף מַיין נָאמֶען ; אוּנ צוּ מַיין כָּבוֹד הָאבּ אִיךְ אִים בַּשַׁאפֶען . אוּנ הָאבּ גִיפָּאלְט זַיין צוּרָה . אוּנ הָאבּ אִים גִימַאכְט עֶר זָאל וֶוערְט זַיין צוּא הָאבֶּען אוֹיף זִיךְ מַיין נָאמֶען . וַוייל אִיךְ הָאבּ אִים גִיגֶעבִּין תּוֹרָה אוּנ מִצְוֹת . אוּנ אַז דֶער מֶענְטְשׁ לֶערְנְט תּוֹרָה אוּנ הִיט מִצְוֹת הָאט עֶר כָּבוֹד פוּן גָאט . רַבִּי שְׁמוּאֵל בַּר נַחְמָנִי הָאט גְזָאגְט פוּן רַבִּי יוֹנָתָן וֶועגִין דְרַייא וֶוערִין גִירוּפֶען אוֹיף דֶעם נָאמֶען פוּן גָאט . צַדִיקִים אוּנ מָשִׁיחַ אוּנ יְרוּשָׁלַיִם . אַז צַדִיקִים וֶוערִין גִירוּפֶען אוֹיף דֶעם נָאמֶען פוּן גָאט . הָאבֶּען מִיר שׁוֹין גְזָאגְט פְרִיעֶר ; בַּיי מָשִׁיחַ שְׁטֵייט אִין פָּסוּק דָאס אִיז זַיין נָאמֶען וָואס מֶען וֶועט אִים רוּפֶען ה׳ צִדְקֵנוּ . בַּיי יְרוּשָׁלַיִם שְׁטֵייט אִין פָּסוּק וְשֵׁם הָעִיר מִיּוֹם ה׳ שָׁמָּה . זָאלְסְט נִיט לֵייעֶנֶען ה׳ שָׁמָּה . נָאר זָאלְסְט לֵייעֶנֶען ה׳ שְׁמָהּ . דֶער נָאמֶען פוּן יְרוּשָׁלַיִם וֶועט זַיין ה׳ . רַבִּי אֶלְעָזָר הָאט גְזָאגְט אַז מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועלִין מַלְאָכִים זָאגִין פַאר דִיא צַדִיקִים קָדוֹשׁ . אַזוֹ וִויא זֵייא זָאגִין קָדוֹשׁ פַאר גָאט . אַזוֹ וִויא עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק אוּנ עֶס וֶועט זַיין דֶער וָואס וֶועט בְּלַייבֶּען אִין צִיּוֹן ; אוּנ דֶער וָואס וֶועט בְּלַייבֶּען אִין יְרוּשָׁלַיִם וֶועט צוּא אִים גְזָאגְט וֶוערִין קָדוֹשׁ . נָאךְ הָאט רַבָּה גְזָאגְט פוּן רַבִּי יוֹחָנָן וֶועגִין וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועט יְרוּשָׁלַיִם אוֹיף גִיהוֹיבֶּען וֶוערִין דְרַייא מַייל הֶעכֶער וִויא זִיא אִיז הַיינְט ; אַזוֹי וִויא עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק וְרָאֲמָה וְיָשְׁבָה תַחְתֶּיהָ . זִיא וֶועט אוֹיף גִיהוֹיבְּען וֶוערִין אוּנ זִיא וֶועט זִיצֶען אוֹיף אִיר אָרְט . וָואס מֵיינְט מֶען אוֹיף אִיר אָרְט . אַזוֹי וִויא אִיר אָרְט אִיז . אַזוֹ וִוי זִיא אִיז הַיינְט גְרוֹיס דְרַייא מַייל . וֶועט זִיא הֶעכֶער וֶוערִין מִיט דְרַייא מַייל . פְרֶעגְט דִיא גְמָרָא פוּן וַואנֶען וֵוייסֶען מִיר אַז יְרוּשָׁלַיִם אִיז גְרוֹיס דְרַייא מַייל ; הָאט רַבָּה גְזָאגְט אַאַלְטֶער מַאן הָאט מִיר גְזָאגְט אִיךְ הָאבּ גִיזֶעהֶן יְרוּשָׁלַיִם דֶעם עֶרְשְׁטִין מָאהל וֶוען יוּדִין זֶענֶען אִין אִיר גִיוֶוען . אִיז זִיא גְרוֹיס גִיוֶוען דְרַייא מַייל ; טָאמֶער וֶועסְטוּ זָאגִין עֶס וֶועט זַיין שְׁוֶוער אַרוֹיף צוּ גֵיין אִין יְרוּשָׁלַיִם . שְׁטֵייט אִין פָּסוּק זֵיי וֶועלִין אַרוֹיף פְלִיהֶען אַזוֹי וִויא דִיא וָואלְקִינְס . רַב פָּפָּא זָאגְט וַוייל מִיר זָאגִין יְרוּשָׁלַיִם וֶועט זַיין הוֹיךְ דְרַייא מַייל ; אוּנ מֶען וֶועט אַרוֹיף פְלִיהֶען אוֹיף יְרוּשָׁלַיִם אַזוֹ וִויא דִיא וָואלְקִינְס . וֵוייסֶען מִיר פוּן דַאנֶען אַז דִיא וָואלְקִינְס זֶענֶען הוֹיךְ פוּן דִיא עֶרְד דְרַייא מַייל . אָמַר ; רַבִּי חֲנִינָא בַּר פָּפָּא זָאגְט גָאט הָאט גִיוָואלְט גֶעבִּין אַמָאס וויא גְרוֹיס יְרוּשָׁלַיִם זָאל זַיין . אַזוֹי וִויא עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק זְכַרְיָה הַנָּבִיא הָאט גְזָאגְט אִיךְ הָאבּ גְזָאגְט צוּם מַלְאָךְ וָואס הָאט מִיט מִיר גִירֶעט וואוּ הִין גֵייסְטוּ . הָאט דֶער מַלְאָךְ צוּ מִיר גְזָאגְט אִיךְ גֵיי מֶעסְטִין יְרוּשָׁלַיִם צוּא זֶעהֶן וִויא פִיל זָאל זַיין אִיר בְּרֵייט אוּנ

את ירושלים. לשכינה קטנה : פרזות תשב ירושלים. מה פרזות הללו אין להם שיעור בבנין ישובן אלא כמה שרוצין בונין אף ירושלים כן : אמר ר"ל. אירושלים דהויא ג' פרסי שעתיד הקב"ה לה כוסף בה מגדלים כאלף פעמים בחשבון קפ"ל וגינאות כאלף פעמים כ"ך כל הני גימטריאות הם ונראי דהצריך בסימנים כה"ג הייט משום דלשון הגון הוא בפירש בלא חשבון ויכד החשבון בתיבה כמ.פעלת : אלף ושני שילה. שנים ואלף פעמים בחשבון גימטריא שיל"ה : ליצוי. גימטריא הוא : טטרפאות. קטנים שבינ נות : ה"ג מאה ושמונים אלף שווקים של מוכרי ציקי קדרה. מין מאכל : שלש ושלשים פעמים. פשטיה דקרא בהאים מיירי וכהא יתורא דקרא דכתיב פעמים קא דריש דמשמע שלשה ירושלים ובכל אחת שלשים פעמים זו למעלה מזו א"נ פעמים אשלש קאי והכי קאמר שלשה פעמים זה ע"ג זה בשלשים : אם ירושלים דלעת"ב הויא גדולה באורך כשלש ירושלים שהיתה כבר . כל אחד ואחד יהיה בה בכל בית ובית ל' מדורות למעלה זה על גב זה ע"כ פירוש רשב"ם :

לראות כמה רחבה וכמה ארכה אמרו מלאכי השרת לפני הקב"ה רבש"ע הרבה כרכים בראת בעולמך של א־ה"ע ולא נתת מדת ארכן ומדת רחבן וירושלים ששמך בתוכה ומקדשך בתוכה וצדיקים בתוכה אתה נותן בה מדה מיד (שם) ויאמר אליו רוץ דבר אל הנער הלז לאמר פרזות תשב ירושלים מרוב אדם ובהמה בתוכה. אמר רבי שמעון בן לקיש עתיד הקב"ה להוסיף על ירושלים אלף טפף גינאות אלף קפ"ל מגדלים אלף ליצוי בירניות אלף ושני שילה טטרפאות וכל אחד ואחד הואי כצפורי בשלותה. תניא א"ר יוסי אני ראיתי צפורי בשלותה והיו בה מאה ושמונים אלף שווקים של מוכרי ציקי קדרה. (יחזקאל מא) והצלעות צלע אל צלע שלש ושלשים פעמים מאי שלש ושלשים פעמים (א"ר לוי) אמר רב פפי משום רבי יהושע דסיכני אם שלש ירושלים הם כל אחד ואחד יש בה שלשים מרורים למעלה אם שלשים ירושלים הם כל אחד ואחד יש בה שלשה מדורים למעלה :

וויא פיל זאל זיין איר לייננ. האבען דיא מלאכים געזאגט פאר גאט רבונו של עולם פיל שטעט האסטו בשאפען אין דיין וועלט וואס גוים וואוהנען אין זייא. אונ דוא האסט ניט גיגעבין אמאס וויא לאנג אונ וויא ברייט זייא זאלין זיין. אונ ירושלים וואס דיין נאמען איז אין איר. אונ דיין מקדש איז אין איר. אונ צדיקים זענען אין איר. גיבסטו אמאס וויא לאנג אונ ווי ברייט זיא זאל זיין. האט גאט באלד געזאגט צום מלאך לויף אונ רייד צום פריערדיגען מלאך אז ירושלים זאל זיין אהאפענע שטאט. וויא ברייט אונ וויא לאנג מען וועט וועלין זאל מען איר מאכען. ווייל אין איר וועט זיין פיל מענטשין אונ פיל בהמות. אמר. רבי שמעון בן לקיש האט געזאגט גאט וועט פאר גרעסערין ירושלים. טוזענד טפ"ף געדטנער. טפ"ף בטרעפט הונדערט ניין אונ זעכציג. וועט ירושלים פאר גרעסערט ווערין מיט הונדערט ניין אונ זעכציג טוזענד גערטנער. טוזענד קפ"ל טארעמס. קפ"ל בטרעפט צוויי הונדערט מיט צעהן וועט ירושלים פאר גרעסערט ווערין. מיט צוויי הונדערט צעהן טוזענד טארעמס. טוזענד ליצוי פאלאצין. ליצוי בטרעפט הונדערט זעקס אונ פערציג. וועט ירושלים פאר גרעסערט ווערין מיט הונדערט זעקס אונ פערציג טוזענד פאלאצין. טוזענד מיט צוויי שילה טטרפאות (קליינע פאלאצין). שיל"ה בטרעפט דריי הונדערט פינף אונ פערציג. וועט ירושלים פאר גרעסערט ווערין מיט דרייא הונדערט פינף אונ פערציג טוזענד מיט זעקס הונדערט ניינציג קליינע פאלאצין. אונ אין יעדער פאלאץ וועלין זיין מענטשין אזו פיל וויא עס איז גיוועז אין דיא שטאט צפורי ווען זיא איז גיוועז גוט בוואוהנט. מיר האבען גילערנט רבי יוסי האט געזאגט איך האב גיזעהן די שטאט צפורי ווען זיא איז גיווען בוואוהנט. איז אין איר גיוועז הונדערט מיט אכציג טוזענד גאסען וואו מען פלעגט דארט פאר קויפען אזוי אמין עסין וואס הייסט ציקי קדרה. אין פסוק שטייט והצלעות צלע אל צלע (דיא ווענט וועלין זיין אוואנט צו אוואנט) דריי אונ דרייסיג מאהל. וואס מיינט מען דריי אונ דרייסיג מאהל. האט רב פפי געזאגט פון רבי יהושע פון סכנים וועגין אויב דער ירושלים וואס וועט זיין ווען משיח וועט קומען. וועט ער זיין דרייא מאהל אזוי גרויס וויא פריערדיגער ירושלים. וועט זיין אין יעדער שטוב דרייסיג וואוהנונגען אין דיא הייך (דרייסיג שטאק. עטאז. וועט זיין די הייך). אונ אויב ירושלים וועט זיין דרייסיג מאהל אזו גרויס וויא ער איז גיוועז. וועט זיין אין יעדער שטוב דריי וואוהנונגען דיא הייך (דריי שטאק. עטאז. דיא הייך) :

(דף עח ע"ב) **לא** א"ר שמואל בר נחמני א"ר יונתן מ"ד (במדבר כא) על כן יאמרו המושלים בואו חשבון וגו' המושלים אלו המושלים ביצרם בואו חשבון בואו ונחשב חשבונו של עולם הפסד מצוה כנגד שכרה ושכר עבירה כנגד הפסדה תבנה ותכונן אם אתה עושה כן תבנה בעה"ז ותכונן לעה"ב עיר סיחון אם משים אדם עצמו כעיר זה שמהלך אחר שיחה נאה מה כתיב אחריו כי אש יצאה מחשבון גו' תצא אש מן המחשבים ותאכל את שאינם מחשבים. להבה מקרית סיחון מקרית צדיקים שנקראו שיחין. אכלה ער מואב זה המהלך אחר יצרו כעיר זה שמהלך אחר שיחה נאה. בעלי במות ארנון אלו גסי הרוח דאמר מר כל אדם שיש בו גסות הרוח נופל בגיהנם. ונירם אמר רשע אין רם. אבד חשבון אבד חשבונו של עולם. עד דיבון אמר הקב"ה המתן עד שיבא

דין

מאי דכתיב על כן יאמרו המושלים. פשטיה דקרא מיירי כשנלחם סיחון במלך מואב הראשון ויקח את כל ארצו מידו נתנבאו בלעם וחבריו מפלת סיחון למואב. ומיהו פרשה יתירה היא דמה צריך לכתוב זה אם להשמיענו דעמון ומואב טהרו בסיחון הרי כבר כתיב והוא נלחם במלך מואב הראשון וא"צ יותר הלכך לדרשה כתבה משה רבינו: המושלים ביצרם. צדיקים כדכתיב ומושל ברוחו מלוכד עיר וכתיב צדיק מושל ביראת אלהים: הפסד מצוה. שמתבטל מריוח בשביל שעוסק במצוה או נותן צדקה ומחסר ממונו: כנגד שכרה. המרובה לעתיד לבא: ושכר עבירה. שבא להשתכר בעבירה עכשיו: כנגד הפסדה. שמפסיד יותר לעתיד לבא: אם אתה עושה כן. לחשב הפסד כנגד שכר וכו': כעיר זה סי'. שנהפתה ביצרו ובדברי האפיקורסים ואינו מושל ביצרו: תצא אש מן המחשבין. צדיקים ותאכל שאין מחשבין כדאמרינן בפרקין לעיל כאו"א נכוה מחופתו של חבירו שגדול הימנו: שנקראו שיחין. אילנות כדכתיב צדיק כתמר יפרח כארז בלבנון ישגה וכתיב והוא עומד בין ההדסים וא"ר (יונתן) [יוחנן] אין הדסים אלא צדיקים כדכתיב ויהי אומן את הדסה וכתיב אעלה בתמר אוחזה בסנסניו ואמור רבנן אמרתי אעלה בתמר ולא עלתה בידי אלא סנסן אחד ומנו (דניאל) חנניה מישאל ועזריה והא אחד השיחים מתרגמינן תחות חד אילנא וכל שיח השדה טרם יהיה בארץ מתרגמינן כל אילנא חקלא: ער מואב. כעיר שמהלך אחר תאותו. ואכלה שמי כאש גבי סרוח שמגביהין דעתן כבמות ארנון הללו: בעלי במות. כמו בעלי גסים: דאמר מר כל אדם וכו'. בפ"ק דע"ז אמר ר"ל כל המתיהר נופל בגיהנם שנאמר זד יהיר לץ שמו עושה בעברת זדון ואין עברה אלא גיהנם שנאמר יום עברה היום ההוא: אבד חשבונו

לא אָמַר. רַבִּי שְׁמוּאֵל בַּר נַחְמָנִי הָאט גְזָאגְט פוּן רַבִּי יוֹנָתָן וֶועגִין עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק דְרִיבֶּער זָאגִין דִיא מוֹשְׁלִים בּוֹאוּ חֶשְׁבּוֹן. מוֹשְׁלִים מֵיינְט מֶען דִיא צַדִּיקִים וָואס גִיוֶועלְטִיגֶען אוֹיף דֶעם יֵצֶר הָרָע: בּוֹאוּ חֶשְׁבּוֹן מֵיינְט מֶען קוּמְט מִיר וֶועלִין רֶעכֶענֶען דֶעם רֶעכֶענוּנְג פוּן דֶער וֶועלְט. דֶעם שָׁאדִין וָואס דֶער מֶענְטְשׁ הָאט אוֹיף דֶער וֶועלְט פוּן דֶער מִצְוָה וָואס עֶר טוּהְט (לְמָשָׁל עֶר גִיט צְדָקָה: עֶר הַאנְדִילְט נִיט שַׁבָּת אוּנ יוֹם טוֹב). גֶעגִין דֶעם שָׂכָר וָואס עֶר וֶועט הָאבֶּען פוּן דִיא מִצְוָה אוֹיף עוֹלָם הַבָּא. אוּנ דֶעם פַאר דִינְסְט וָואס דֶער מֶענְטְשׁ הָאט אוֹיף דֶער וֶועלְט פוּן אַ עֲבֵירָה וָואס עֶר טוּהְט. זָאל עֶר בַּארֶעכֶענֶען גֶעגִין דֶעם שָׁאדִין וָואס עֶר וֶועט הָאבֶּען פוּן דִיא עֲבֵירָה אוֹיף עוֹלָם הַבָּא. תִּבָּנֶה וְתִכּוֹנֵן. אוֹיבּ דוּא וֶועסְט אַזוֹ טָאהן תִּבָּנֶה. וֶועסְט דוּא גִיבָּאהט וֶוערִין אוֹיף דֶער וֶועלְט. וְתִכּוֹנֵן אוּנ דוּא וֶועסְט גִיפֶעסְטִיגְט וֶוערִין אוֹיף עוֹלָם הַבָּא. עִיר סִיחוֹן. אוֹיבּ דֶער מֶענְטְשׁ אִיז אַזוֹי וִויא דֶער יוּנְגֶער אֵייזִיל וָואס עֶר גֵייט וואוּ עֶר זֶעהט שֵׁיינֶע גְרָאז. אַזוֹ גֵייט דֶער מֶענְטְשׁ אוֹיךְ וואוּ עֶס אִיז דָא פֶערְגֶעניגֶען. אוּנ וואוּ הִין דֶער יֵצֶר הָרָע פִירְט אִים. אוּנ עֶר רֶעכֶנְט גָאר נִיט פְרִיעֶרְדִיגֶען רֶעכֶענוּנְג. פוּן דִיא מִצְוֹת מִיט עֲבֵירוֹת. וָואס שְׁטֵייט נָאךְ דֶעם פָּסוּק כִּי אֵשׁ יָצְאָה מֵחֶשְׁבּוֹן. עֶס וֶועט אַרוֹיס גֵיין אַ פַייעֶר פוּן דִיא וָואס רֶעכֶענֶען יָא. אוּנ עֶס וֶועט פַאר בְּרֶענֶען דִיא וָואס רֶעכֶענֶען נִיט. לֶהָבָה מִקִּרְיַת סִיחוֹן. אַ פְלַאם פַייעֶר וֶועט אַרוֹיס גֵיין פוּן דִיא צַדִּיקִים וָואס זֵייא וֶוערִין גִירוּפֶען בּוֹימֶער. אָכְלָה עָר מוֹאָב. אוּנ עֶס וֶועט פַאר בְּרֶענֶען דֶעם מֶענְטְשִׁין וָואס עֶר גֵייט נָאךְ זַיין יֵצֶר הָרָע אַזוֹ וִויא דֶער יוּנְגֶער אֵייזִיל וָואס עֶר גֵייט נָאךְ דִיא שֵׁיינֶע גְרָאז. בַּעֲלֵי בָּמוֹת אַרְנוֹן אוּנ דֶער פַייעֶר וֶועט פַאר בְּרֶענֶען דִיא מֶענְטְשִׁין וָואס הַאלְטֶען זִיךְ גְרוֹיס. וָוארוּם דֶער תַּנָּא הָט גִיזָאגְט דֶער מֶענְטְשׁ וָואס אִיז גְרוֹיס בַּייא זִיךְ פַאלְט עֶר אִין גֵיהִנָּם. וַנִּירָם. דֶער רָשָׁע זָאגְט עֶס אִיז נִיטָא קֵיין הֶעכֶערֶער אִיבֶּער אִים. עֶס אִיז נִיטָא קֵיין גָאט. אָבַד חֶשְׁבּוֹן. עֶס אִיז פַאר לָארִין דֶער רֶעכֶענוּנְג פוּן דֶער וועלט. מֶען דַארְף גָאר נִיט רֶעכֶענֶען דִיא מַעְשִׂית מִיט עֲבֵירוֹת. עַד דִּיבוֹן. גָאט זָאגְט צוּם רָשָׁע וַוארְט בִּיז אוֹיף דִיר וֶועט קוּמֶען אַמוּפֶּת. וַנַּשִּׁים עַד נוֹפַח. בִּיז אוֹיף דִיר וֶועט קוּמֶען אַזוֹי אַ פַייעֶר וָואס מֶען דַארְף אִים נִיט אוֹיף בְּלָאזִין. דָאס אִיז דֶער פַייעֶר פוּן גֵיהִנָּם. עַד מֵידְבָא.

דין . ונשים (דף עט) עד נפח עד שתבא אש שאינה צריכה נפוח . עד מידבא עד שתדאיב נשמתן ואמרי לה עד דעביד מאי דבעי . א"ר יהודה אמר רב כל הפורש מדברי תורה אש אוכלתו שנאמר (יחזקאל ט') ונתתי את פני בהם מהאש יצאו והאש תאכלם . כי אתא רב דימי א"ר יונתן כל המרפה עצמו מדברי תורה נופל בגיהנם שנאמר (משלי כא) אדם תועה מדרך השכל בקהל רפאים ינוח ואין רפאים אלא יורדי גיהנם שנאמר (שם ט) ולא ידע כי רפאים שם בעמקי שאול קרואיה :

(דף פ ע"א) **לב וארז** אין גזעו מחליף והא דרש רבי חייא בר לולייני (אפיתחא דבי נשיאה) מ"ד (תהלים צב) צדיק כתמר יפרח כארז בלבנון ישגה אם נאמר תמר למה נאמר ארז ואם נאמר ארז למה נאמר תמר אם נאמר ארז ולא נאמר תמר הייתי אומר מה ארז אין עושה פירות אף צדיק אין עושה פירות לכך נאמר תמר ואם נאמר תמר ולא נאמר ארז הייתי

פירוש

חשבונו של עולם . בלו' ליה דין ולית דיין : עד נפח . פלו' אם שמנופחו ונעלמו כדכתיב האכלהו אש לא נפח : שתדאיב נשמתן . כמו דאבון נפש : עד דעבד . קודשא בריך הוא מאן דבעי למעבד לרשעים לעה"ב דאילו בעה"ז דרכם ללהם כדי לטרדן לעה"ב . עד דרים ליה עד דעבד מידבא דרים ליה מאי דבעי נלבין קלר : מהאש יצאו . מן התורה שנאמר דכתיב בה הלוא כה דברי כאש נאם ה' וכתיב מימינו אש דת למו : רפאים בעמקי שאול. כפל לשון הוא וע"כ : אם נאמר תמר . שעושה פירות ואין גזעו מחליף : למה נאמר ארז . שגזעו מחליף ואין עושה פירות קשו קראי אהדדי אם מדמהו לתמר ולארז מכל וכל :

אף צדיק אין עושה פירות . שאוכל צדקותיו בעוה"ז ואין לו לעה"ב א"נ שאין מאכילין אותו פרי

בִּיז עֶס וֶועט וִויא טָאהן זֵייעֶרֶע נְשָׁמוֹת . אַנְדֶערֶע זָאגִין עֶר מִידְבָא מֵיינְט מֶען בִּיז גָאט וֶועט טָאהן מִיט דֶעם רָשָׁע וָואס עֶר וֶועט וֶועלִין . רַב יְהוּדָה הָאט גְזָאגְט פוּן רַבְּ'ס וֶועגִין דֶער וָואס שֵׁיידְט זִיךְ אָפּ פוּן דִיא תּוֹרָה . וֶועט אִים אַפַייעֶר פַאר בְּרֶענְגֶען . אַזוֹ וִויא עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק גָאט הָאט גְזָאגְט אִיךְ וֶועל גֶעבִּין מַיין פְּנִים אוֹיף זַייא פוּן פַייעֶר זֶענֶען זַייא אַוֶועק גִיגַאנְגֶען (פוּן דִי תּוֹרָה וָואס זַייא וֶוערְט גֶערוּפִין פַייעֶר זֶענֶען זַייא אַוֶועק גִיגַאנְגֶען) . דְרִיבֶּער וֶועט זַייא אַפַייעֶר פַר בְּרֶענְגֶען . אַז רַב דִימִי אִיז גִיקוּמֶען הָאט עֶר גְזָאגְט פוּן רַבִּי יוֹנָתָן'ס וֶועגִין דֶער וָואס לָאזְט זִיךְ אָפּ פוּן תּוֹרָה לֶערְנֶען . וֶועט עֶר פַאלֶען אִין גֵיהִנָּם . אַזוֹ וִויא עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק אַז דֶער מֶענְטְשׁ בְּלָאנְדְזֶעט אַוֶועק פוּן קְלוּגֶען וֶועג (עֶר בְּלָאנְדְזֶעט אַוֶועק פוּן דִי תּוֹרָה) . וֶועט עֶר רוּהֶען אִין דִי פַארְזַאמְלוּנְג פוּן דִיא רְפָאִים . רְפָאִים וֶוערִין גִירוּפֶען דִיא וָואס זֶענִין אִין גֵיהִנָּם . אַזוֹי וִויא עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק עֶר וֵוייס נִיט אַז דָארְט זֶענֶען רְפָאִים (דָארְט זֶענִין דִי מֶענְטְשִׁין וָואס וֶועלִין נִידֶערִין אִין גֵיהִנָּם) אִין דִי טִיפֶע גְרוּב זֶענֶען אִירֶע גִירוּפֶענֶע :

לב וָאֶרֶז . פְרֶעגְט דִיא גְמָרָא אַז מֶען הַאקְט אָפּ אַטֶעגֶען בּוֹים וַואקְסְט נִיט פוּן דֶעם וָוארְצִיל אַיין אַנְדֶער טֶעגֶען בּוֹים . רַבִּי חִיָיא בַּר לוּלְיָינִי הָאט דָאךְ גִידַרְשְׁט עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק דֶער צַדִיק וֶועט בְּלִיהֶען וִויא אַתָּמָר (אַטֵייטֶל בּוֹים) אוּנ עֶר וֶועט גְרוֹיס וֶוערִין אַזוֹי וִויא דֶער אֶרֶז (טֶעגֶען בּוֹים) אִין וַואלְד . אִיז דָאךְ אַקַשְׁיָא אַז עֶס שְׁטֵייט תָּמָר צוּ וָואס שְׁטֵייט אֶרֶז . אוּנ אַז עֶס שְׁטֵייט אֶרֶז צוּא וָואס שְׁטֵייט תָּמָר . אוֹיב דֶער צַדִיק אִיז גֶעגְלִיכֶען צוּא אַתָּמָר וָואס אוֹיף אִים וַואקְסְט פֵּירוֹת אוּנ אַז מֶען הַאקְט אִים אָפּ וַואקְסְט נִיט צוּרִיק אוֹיף אַטֵייטֶל בּוֹים פוּן דֶעם וָוארְצִיל . קֶען עֶר דָאךְ נִיט זַיין גֶעגְלִיכֶען צוּ אַטֶעגֶען בּוֹים . וָוארוּם אוֹיף דֶעם טֶעגֶען בּוֹים וַואקְסְט נִיט פֵּירוֹת . אוּנ אַז מֶען הַאקְט אִים אָפּ וַואקְסְט צוּרִיק אוֹיף אַטֶעגֶען בּוֹים פוּן דֶעם וָוארְצִיל . אוּנ אַז עֶר אִיז גֶעגְלִיכֶען צוּא אַטֶעגֶען בּוֹים קֶען עֶר דָאךְ נִיט זַיין גֶעגְלִיכֶען צוּא אַטֵייטֶל בּוֹים . נָאר אַז עֶס וָואלְט גִישְׁטַאנֶען דֶער צַדִיק אִיז גְלַייךְ צוּא אַטֶעגֶען בּוֹים . אוּנ עֶס וָואלְט נִיט גִישְׁטַאנֶען עֶר אִיז גְלַייךְ צוּא אַטֵייטֶל בּוֹים אוֹיךְ . וָואלְט אִיךְ זָאגִין אַזוֹי וִויא אוֹיף דֶעם טֶעגֶען בּוֹים וַואקְסְט נִיט קֵיין פֵּירוֹת . אַזוֹי אוֹיף דֶעם צַדִיק וַואקְסְט אוֹיךְ נִיט קֵיין פֵּירוֹת . עֶר עֶסְט אוֹיף דֶעם שָׂכָר פוּן זַיינֶע מִצְוֹת אוֹיף דֶער וֶועלְט . אוּנ אוֹיף עוֹלָם הַבָּא בְּלַייבְּט אִים גָאר נִיט . דְרִיבֶּער שְׁטֵייט אַז דֶער צַדִיק אִיז גְלַייךְ צוּא אַטֵייטֶל בּוֹים . אַזוֹי וִויא אוֹיף אַטֵייטֶל בּוֹים וַואקְסְט פֵּירוֹת . אַזוֹי אוֹיף דֶעם צַדִיק וַואקְסְט אוֹיךְ פֵּירוֹת . עֶר עֶסְט דִיא פְרוּכְט פוּן זַיינֶע מִצְוֹת אוֹיף דֶער וֶועלְט .

הייתי אומר מה תמר אין גזעו מחליף אף צדיק אין גזעו מחליף לכך נאמר ארז . התם בשאר מיני ארזים כדרבה בר רב הונא דאמר רבה בר רב הונא אמרי בי רב עשרה מיני ארזים הם שנאמר (ישעיה מא) אתן במדבר ארז שטה והדס ועץ שמן אשים בערבה ברוש תדהר והאשור יחדו וגו' . ארז ארזא וכו' :

גמ' הקונה ב' אילנות בתוך שדה חברו כפוקי מספקי אי קנה קרקע וכו' ומביא ואינו קורא ופריך הגמרא ודלמא הוו בכורים ובעו קריים והיכא :

(דף פא ע"ב) **רב ו**דעביד להו] כרבי יוסי ברבי חנינא דאמר בצרן ושגרן ביד שליח ומת שליח בדרך מביא ואינו קורא מאי טעמא דכתיב (דברים כו) ולקחת והבאת (דף פב) עד שתהא לקיחה והבאה באחד והא ליכא אמר רב אחא בריה דרב אויא לרב אשי מכדי פסוקי נינהו ליקרי א"ל

מעלליו : לכך נאמר תמר . כדכתיב נמי יקרא התרינא אמרו צדיק כי טוב כי פרי מעלליהם יאכלו : אין גזעו מחליף . אם נקצץ : אף צדיק אין גזעו מחליף . אם מת שלא יוליד בן כמותו א"כ אם יפול לא יקום : לכך נאמר ארז . כדכתיב כי שבע יפול צדיק וקם :

[בצרן ושגרן ביד שליח. או שמת שליח בדרך שהשליח עצמו בצרן ומת בהאי הדרך ומינה שליח אחר התחיו עד לירושלים או שהביאוהו בעלים עצמן משם ואילך : מביא ואינו קורא . אין הבעלים קורין וכו'] : מכדי פסוקי ניהנו ליקרי . ולמאי עביד להו

אונ דער קען בלייבט צוא עולם הבא . אונ אז עס וואלט גישטאנען דער צדיק איז גלייך צו א טייטל בוים . אונ עס וואלט ניט גישטאנען ער איז גלייך צוא א טענען בוים אויך . וואלט איך זאגן אזוי וויא דער טייטל בוים אז מען האקט אים אפ . וואקסט שוין ניט קיין אנדער טייטל בוים פון דעם ווארציל : אזוי דער צדיק אז ער איז גישטארבען וואקסט ער שוין ניט אויף צוריק ער וועט ניט צוריק לעבעדיג ווערין . דריבער שטייט אז דער צדיק איז גלייך צוא א טענען בוים . אזוי וויא א טענען בוים אז מען האקט אים אפ וואקסט ארויס פון דעם ווארציל איין אנדער טענען בוים . אזוי אז דער צדיק שטארבט . וועט ער צוריק לעבעדיג ווערין . זעהן מיר דאך אז מען האקט אפ דעם טענען בוים וואקסט ארויס פון דעם ווארצל איין אנדער טענען בוים . ענפערט דיא גמרא ניט אלע טענען בוימער זענען גלייך . אנדערע טענען בוימער אז מען האקט זייא אפ וואקסט אויף צוריק אונ אנדערע טענען בוימער וואקסען ניט אויף צוריק . אזוי וויא רבה בר רב הונא האט גזאגט אין בית המדרש האט מען גזאגט צעהן ערליי טענען בוימער זענען דא . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק איך וועל געבין אין דער מדבר טענען . בוימער וואס זייא הייסען שטה הדס עץ שמן איך וועל טאהן אויף דער וויסט בוימער וואס זייא הייסען ברוש תדהר ותאשור :

לג דער דין איז אז איינער זאגט צוא זיין חבר פאר קויף מיר צוויי בוימער אין דיין פעלד . אונ ער האט אים באר קויפט . ווייס מען ניט אויב ער האט גיקויפט דיא ערד וואס אונטער דיא בוימער אונ וואס ארום דיא בוימער אויך . דארף ער ברייגגען בכורים אונ לייענען דיא פרשה ארמי אובד אבי וואס עס שטייט אין דיא סדרה תבאו . ווארום ער קען דאך זאגן האדמה אשר נתתה לי . דיא ערד וואס דוא האסט מיר גיגעבין . ווארום ער האט דאך ערד . אדער דיא ערד וואס ארום דיא בוימער אונ אונטער דיא בוימער גיהער ניט צו אים . קען ער ניט זאגין האדמה אשר נתת לי . דיא ערד וואס דוא האסט מיר גיגעבין . ווארום ער האט דאך נים קיין ערד . זאל ער ברייגגען בכורים אונ דיא פרשה זאל ער ניט לייענען . פרעגט דיא גמרא טאמער איז דאס בכורים דארף ער דאך יא לייענען דיא פרשה . ענפערט דיא גמרא ער טוהט אזוי וויא רבי יוסי ברבי חנינא האט גזאגט אז איינער הט אפ געשניטען זיינע וויינטרויבן אונ ער האט זייא געשיקט הרך אשליח אונ דער שליח הט זייא גיברייגגט אין ירושלים . אדער דער שליח האט אפ געשניטען דיא ויינטרויבן אונ ער האט זייא געפירט אין ירושלים . אונ ער איז גישטארבען אין וועג . אונ דער בעל הבית האט גיהייסען איין אנדער שליח ער זאל נעמען דיא בכורים אונ זאל זייא ברייגגען אין ירושלים . אדער דער בעל הבית אליין האט גינומען די בכורים אונ ער פירט זייא אין ירושלים . איז דער דין דער שליח וואס דער בעל הבית הט אפ געשניטען דיא וויינטרויבן . אונ דער שליח אדער דער בעל הבית וואס האט גינומען די בכורים פון דעם גישטארבענעם שליח זאלין זייא ניט לייענען דיא פרשה . ווארום עס שטייט אין פסוק

משום דמחזי כשיקרא רב משרשיא בריה דרב חייא אמר דילמא אתי לאפקעינהו מתרומה ומעשר:

(דף פד) **פיסקא** שחמתית ונמצאת לבנה לבנה ונמצאת שחמתית שניהם יכולים לחזור בהן א"ר פפא מדקתני לבנה] ש"מ הא שמשא סומקתי היא תדע דקא סמקא צפרא ופניא והאי דלא חזינן ליה כולי יומא נהורין הוא דלא בריא. מיתיבי (ויקרא יג) ומראה עמוק מן העור כמראה חמה עמוקה מן הצל והתם לבן הוא כמראה חמה ולא כמראה חמה כמראה

כדר' יוסי במו שמביא מספק יהא קורא מספק כאדם שקורא בתורה: משום דמחזי כשיקרא. שהרי בשביל שבאת בכורים קא קרי ושמא לאו בקרקע שלו גדלו וקא משקר וכתיב דובר שקרים לא יכון לנגד עיני: דילמא אתי לאפקעינהו. מאן דחזי דקרא עלייהו כבכורים ואמר כשיהיו לו בכורים כאלו לא יפרים מהן תרומה דקסבר בכורים ואין הן אי נמי האי גברא גופיה הילכך שכוד בהו היכרא שלא לקרות:

[מדקתני לבנה ש"מ. שחמתית אדומה ולא שחורה דהא שני מראות יש בתאנין ולא יותר לבנות ואדומות ומדקתני להדא לבנה ולאידך שחמתית שמע מינה שחמתית אדומה ועל שם חמה שהיא אדומה קרי לתאנין אדומות שחמתית]: נהורין הוא דלא בריא. מאור עינים הוא ברור כ"כ מתוך אור היום במכהה עינינו אבל לפרא ופניא שהיום חשוך ניכר אדמימות שבחמה ורב פפא לפרש מתניתו בא אמאי מקרי שחמתית: עמוק. הלבן מראה עמוק אגל שבחור: לבן הוא. כדכתיב ולא בהרת לבנה היא ומדמדמי ליה לחמה ש"מ לבנה היא

וְלָקַחְתָּ וְהֵבֵאתָ. דוא זָאלְסט נעמען דיא בכורים אונ זָאלסט זייא ברענגען אין ירושלים. דָס שְׁנַיידֶין דיא בכורים אונ ברענגען אין ירושלים דארף זיין דורך איין מענטשין. זָאל דער מענטש לייענען דיא פרשה. אָבער אז געשניטען האט איינער אונ געבראכט הָט איין אַנדערער דארף מען ניט לייענען דיא פרשה. אונ דער וואס האט געקופט דיא צְווייא בוימער זָאל ער אויך שיקען דיא בכורים דורך אַשליח וועט מען ניט דארפין לייענען דיא פרשה. רב אחא בריה דרב אויא האט געזאגט צוא רב אשי דאס איז דאך נאר פסוקים זָאל ער ניט שיקען דורך אשליח נאר ער זאל אַליין ברענגען דיא בכורים אונ זאל לייענען דיא פרשה. אזוי וויא מען לערנט אפרשה אין דיא תורה. האט רב אשי געזאגט ווען ער וואלט ניט ברענגען בכורים וואלט ער דאך איצט ניט געלייענט דיא פרשה. לייענט ער דאך נאר דיא פרשה פון וועגין דיא בכורים. אונ טאמער דארף ער גאר ניט ברענגען בכורים. וואָרום דיא ערד וואס ארום דיא צווייא בוימער זענין ניט זיינע זאגט ער דאך ליגען. רב משרשיא בריה דרב חייא זאגט אז מען וועט זאגין ער זאל לייענען דיא פרשה וועט ער מיינען דאס איז אמת'ה בכורים. וועט ער פון זייא ניט געבין תרומה אונ מעשר. אָבער אז ער לייענט ניט דיא פרשה ווייס ער שוין אַז עס איז אספק אונ פון ספק וועגין וועט ער שוין געבין תרומה אונ מעשר פון דיא פירות:

לד פיסקא. שַׁחֲמְתִית. אז איינער האט געזאגט צו זיין חבר פאר קויף מיר אזעקיל ווייץ וואס זענען שחמתית (רויטע ווייץ). אונ ער האט אים געגעבין דעם זעקיל ווייץ. אונ די ווייץ זענען גאר ווייסע. אדער ער האט געזאגט צוא זיין חבר פאר קויף מיר אזעקיל ווייץ ווייסע. אונ ער האט אים געגעבין דעם זעקיל ווייץ. אונ דיא ווייץ איז גאר שחמתית. רויטע. קענען ביידע חרטה האבען: רב פפא זאגט ווייל ווייץ איז נאר דא צווייא ערליי. רויטע אונ ווייסע. אז דיא ווייסע הייסט לבנה. הייסען דיא רויטע שחמתית. אונ ווייל דיא זוהן וואס זיא הייסט חמה איז רויט דריבער רופט מען דיא רויטע ווייץ שחמתית. ווייל זיא איז רויט וויא דיא זוהן: פון דאנען ווייסען מיר אז דיא זוהן איז רויט. זאגט דיא גמרא איך וועל דיר ברענגען אראיה (אבעווייזונג) אז דיא זוהן איז רויט. ווארום אין דער פריא אונ פארין נאכט איז דיא זוהן רויט. אונ דאס וואס מיר זעהן ניט דיא זוהן אגאנצין טאג. ווייל דיא ליכטיגקייט פון אונזערע אויגין זענען ניט קלאר. דריבער קענען מיר ניט זעהן אגאנצן טאג דיא רויטקייט פון די זוהן. נאר באלד אין דער פריא אונ פארין נאכט זעהט מען וויא דיא זוהן איז רויט. זאגט די גמרא איך וועל דיר אקשיא פרעגין. עס שטייט אין פסוק דער געשטאלט פון דיא נגע איז טיפער (נידעריגער) פון דיא הויט. אזוי וויא דיא זוהן זעהט אוים טיפער (נידעריגער) פון דעם שאטען. אונ דיא נגע איז דאך ווייס. אז ער גלייכט דיא נגע צוא דיא זוהן. מוז דאך דיא זוהן אויך ווייס

כמראה ו מה העמוקה מן הצל ולא כמראה חמה דאילו התם לבן והכא ארום ולמאי דסליק אדעתין מעיקרא הא קא סמקא צפרא ופניא בפניא דחלפא אפיתחא דגיהנם בצפרא דחלפא אוורדי דגן עדן וא"ד איפכא:

(דף סח ע"ב) **לה מתני'** וחייב להכריע לו טפח היה שוקל לו עין בעין נותן לו גירומיו. **גמ'** מנה"מ אמר ר"ל דאמר קרא (דברים כה) אבן שלמה וצדק צדק משלך ותן לו אי הכי אימא סיפא היה שוקל לו עין בעין נותן לו גירומיו ואי הכרעה דאורייתא היכי יהיב ליה עין בעין אלא רישא במקום שנהגו

היא: ונמצי דסליק אדעתין מעיקרא. דהוה פריך לרב פפא מברייתא דלבנה היא אמאי לא הוה קשיא לן הא דסמקא צפרא ופניא מה היינו יכולין לפרש אמאי סמקא אם לבנה היא: בפניא. שהוקפת במערב: דחלפא אפתחא דגיהנם. ומתאדמת מכח אש גיהנם: בצפרא דחלפא. במזרח אוורדי ג"ע שהוא במזרח כדכתיב גן בעדן מקדם: וא"ד איפכא. בצפרא סומקא משום דעומדת במזרח ומאירה החמה כנגדה במערב ומתאדמת מכח גיהנם שבמערב לפי שעמוד של א"ר החמה מכה כנגד אש גיהנם ומתאדמת החמה אכחה בפניא דחלפא במערב ועמוד שלה הולך נגד המזרת ומכה בג"ע ומאדים מכח אדמימות וורדי ג"ע:

חייב להכריע. המאזנים מצד הבשר טפח שיהא ה' שר שוקל יותר מן הליטרא [ובגמ' מוקי לה במקום שנהגו להכריע וה"ה לי' ל טפח ביהד להכריע טפח וכו' ול"ב דלפחות מליטרא לא בעי הכרעה טפח וכו': היה שוקל עין בעין. גלמלוה כגון במקום שאין מכריעין מתן לו לבד המשקל את גירומיו הכריעו כדקתני אהד מי' בלה וכו'] : מנה"מ. קב"ד דבעי אהא דצריך להכריע טפח: וצדק. מיותר הוא למדרש אע"פ שאיפה שלמה מדדת צדק משלך והן לו והיינו הכרע ובמד. נמי למדוד בריוה כדי שיהא יותר על מדהו: היכי יהיב ליה כו'. סאמרת דגזירת הכתוב הוא שיכריע בשעת המשקל: אלא במקום שנהגו. כלומר אין גזירת הכתוב להכריע בשעת

זיין. ענפערט די גמרא די נגע זעט אוס ווי די זון אונ זי זעט ניט אוס ווי די זון. זי זעט אויס ווי די זון וואס דיא זוהן זעהט אויס נידעריגער פון שאטען. אונ דיא נגע זעהט ניט אויס ווי דיא זוהן. ווארום דיא נגע איז ווייס. אונ דיא זוהן איז רויט. פרעגט די גמרא אונ ווי מיר האבען פריער גילערנט אז דיא זוהן איז ווייס. מיר זעהן דאך אז באהד אין דער פריא אונ פארין נאכט איז דיא זוהן רויט. ענפערט דיא גמרא עס קען זיין דיא זוהן איז טאקי ווייס. נאר פארין נאכט איז זיא רויט ווייל זיא גייט פאר דיא טיר פון גיהנם ווערט זיא רויט פון דעם פייער פון גיהנם. אונ אין דער פריא איז זיא רויט ווייל זיא גייט אינטער דעם גן עדן ווערט זיא רויט פון דיא רויזין וואס אין גן עדן (ווארום דר גיהנם איז אין מערב זייט אונ דער גן עדן איז אין מזרח זייט). אנדערע זאגין פאר קערט. פארין נאכט איז דיא זוהן אין מערב זייט געגין דעם גן עדן וואס ער איז אין מזרח זייט. בעלייכטען דיא רויזין פון גן עדן אויף דיא זוהן וואס אין מערב אונ זיא ווערט רויט. אונ אין דער פריא אז דיא זוהן איז אין מזרח זייט. געגין דעם גיהנם וואס ער איז אין מערב זייט. בעלייכט דער פייער פון גיהנם אויף די זוהן. ווערט זיא רויט:

לה מתניתין. וחייב. אז אקרעמער פאר קויפט אזעלכע זאכן וואס מען וועגט אין אוואג שאל. למשל ער וועגט אפונט פלייש אין אוואג שאל. אין איין שאל ליגט דער פונט אונ אין אנדערין שאל ליגט דיא פלייש. דארף דיא שאל מיט דיא פלייש אראפ ציהען אטפח נידעריגער וויא דיא שאל מיט דעם פונט. אבער אז ער האט גיוואוגין גלייך אויף גלייך. דארף ער א ם אוועק געבין דעם איבער וואג. למשל פון אגלייכע וואג ביז אטפח אראפ ציהען פעלט אלויט. דארף ער אים דער ליגן דעם לויט. זאגט דיא גמרא פון וואנען ווייסען מיר אז דיא וואג דארף אראפ שווערין אטפח. ריש לקיש זאגט עס שטייט אין פסוק אבן שלמה וצדק. אגאנצן שטיין אונ אריכטיגען זאלסטו וועגין. איז דער ווארט וצדק איבעריג. עס שטייט דאך שוין ער זאל געבין אגאנצע וואג. נאר מען מיינט דער נאך וויא ער האט שוין ניגעבין אריכטיגע וואג. זאל ער נאך צוא לייגין אביסול פון זיינע סחורה דיא וואג זאל נידעריגער ווערין מיט אטפח. פרעגט די גמרא אויב אזו זאג מיר דעם סוף פון דער משנה. אז ער האט גיוואוגין דיא שאלין גלייך אויף גלייך. זאל ער געבין צום וואג וואס עס פעלט ביז עס זאל אראפ ציהען אטפח. אויב אין דער תורה שטייט אז עס דארף אראפ ציהען אטפח. וויא אזו האט ער גימעגט וועגין גלייך אויף גלייך. נאר אזו איז דער דין. דיא תורה הייסט מען זאל געבין אביסול מער וויא דיא וואג איז.

שנהגו וכי אתמר דר"ל אסיפא אתמר היה שוקל לו עין בעין נותן לו גירומיו מנה"מ אר"ל דאמר קרא וצדק צדק משלך ותן לו וכמה גרומיו א"ר אבא בר ממל א"ר אחד מעשרה בליטרא בלח לעשרה ליטרין :

כן א"ר לוי קשה עונשן של מדות יותר מעונשן של עריות שזה נאמר בהן (ויקרא יח) אל וזה נאמר בהן (דברים כה) אלה ומאי משמע דהאי אל קשה הוא דכתיב (יחזקאל יז) ואת אילי הארץ לקח (ואלה קשה מאל) גבי עריות נמי הכתיב (ויקרא יח) אלה ההוא למעוטי מדות מכרת ואלא מאי חומרייהו התם אפשר בתשובה והכא לא אפשר בתשובה . וא"ר לוי קשה גזל

בשעת המשקל אלא במנהגא תליא מלתא דאם רוצה להכריע בשעת המשקל תחת גירומיו דאחר מדידה הרשות בידו והיינו הכרעה צריך ספק דאין הכתוב מקפיד אלא שיוסיף המשקל אי בשעת המשקל או לאחר כך :

קשה עונשן של מדות . (כשמודד במדה שאינה ישרה או) כשעושה בה שום עול (ולקמן מפרש משום דלא אפשר בתשובה ומקראי יליף לה כדמפרש ואזיל): עריות נאמר בהן אל . כי את כל התועבות האל ובמדות כתיב כל עושה אלה כל עושה עול (אלה משמע לשון רבים): ואלה קשה מאל . דמשום הכי הוסיף בהן הכתוב ה' לרבות ולהגדיל הקישוי : בעריות נמי כתיב . כי כל אשר יעשה מכל התועבות האלה ונכרתו וגו' : למעוטי מדות מכרת. דכד"א (מילף תועבות תועבות לגזרה שוה) [כיון דשל מדות נקראו תועבות ה"א הרי הן בכלל כל אשר יעשה מכל התועבה אי לא כתב אלה דמשמע מיעוט ולא משום ג"ש דאפילו לא כתב אלה לא דיינינן דאין אדם דן ג"ש מעצמו אלא א"כ למדו מרבותיו ולא מק"ו דהאי אפשר בתשובה והאי לא אפשר בתשובה דאין עונשין מן הדין אלה ממעטינהו] : ואלא. כיון דבעריות איכא כרת ובמדות ליכא כרת : מאי חומרייהו . דמדות מעריות ואמאי כתיב בהן אלה : אפשר בתשובה . דכל חייבי כריתות שעשו תשובה נפטרו מידי כריתתם א"נ גלא מנקות התשובה מועילה בכל מקום כדכתיב שובו בנים שובבים ארפא משובותיכם אי עביד תשובה מעליא . אבל מדות דגזל רבים דאינו יודע למי ישיב והתשובה תלויה בו שנאמר והשיב את הגזלה ואינו יכול לקיים מצות זו הילכך א"א בתשובה מעליא דכל ימיו בוהשיב את הגזלה קאי ואע"ג דאמרינן יעשה בהן צרכי רבים אין

אונ דאס געהער צום מנהג . דער אנהייב פון דער משנה שמועסט אויף דעם אָרט וָואס מען גיט צוא דיא ביסול מער אויף דיא וואג שאל . זאג דיא משנה וויא פיל זאל זיין דיא ביסול מער. דיא וואג זאל אראפ גיין מיט אטפח נידעריגער . אונ אויף דעם אָרט וואס דער מנהג איז מען וועגט גלייך אויף גלייך . זאל מען נאך דעם צוא לייגען דיא ביסול מער . אונ ריש לקיש האט גילערנט זיינע רייד אויף דעם סוף משנה . אז ער האט גיוואוגין גלייך אויף גלייך . דארף ער דער נאך צוא געבין דאס ביסול מער . פון וואנען ווייסען מיר אז ער דארף צוא געבין נאך אביסול . דער מנהג איז דאך אויף דעם אָרט מען זאל וועגין גלייך אויף גלייך . האט ריש לקיש גיזאגט עס שטייט אין פסוק אבן שלמה וצדק . דוא זאלסט נעמען אביסול פון דיינע אונ זאלסט צוא געבין דעם קויפער . וויא פיל זאל מען צוא געבין האט רבי אבא בר ממל גזאגט פון רבנן ווען בייא פייכטע זאכען זאל מען צוא געבין אצענטיל פונט צו צעהן פונט :

כן אמר ; רבי לוי האט גזאגט דער שטראף פון אפאלשע וואג אדער אפאלשע מאס איז שווערער וויא דער שטראף פון מזנה זיין . ווארום בייא מזנה זיין שטייט דער ווארט אל . שטארק . אונ ביי אפאלשע וואג אונ אפאלשע מאס שטייט דער ווארט אלה . שטארק דריבער שטייט דא אלה מיט אה צוא וויזין אז דא איז דער שטראף נאך שטארקער וויא בייא מזנה זיין . פרעגט דיא גמרא פון וואנען ווייסען מיר אז אל איז דער טייטש שטארק . וואו זעם עס שטייט אין פסוק ואת אילי הארץ לקח . דיא שטארקע מענטשין פון דעם לאנד האט ער גינומען . פרעגט דיא גמרא ביי מזנה זיין שטייט דאך אויך דער ווארט אלה . ענפערט דיא גמרא מיט איין זאך איז מזנה זיין ערגער וויא אפאלשע וואג און אפאלשע מאס . בייא מזנה זיין קומט כרת . אונ ביי אפאלשע וואג אונ אפאלשע מאס קומט ניט קיין כרת . פרעגט דיא גמרא אז אויף מזנה זיין קומט כרת אונ אויף אפאלשע וואג אונ אפאלשע מאס קומט ניט כרת . מיט וואס איז שטארקער דער שטראף פון אפאלשע וואג אונ אפאלשע מאס . וו א דער שטראף פון מזנה זיין . ענפערט דיא גמרא בייא מזנה זיין קען מען תשובה טאהן ; האט ער גאר קיין שטראף ניט . אבער ביי אפאלשע וואג אדער אפאלשע מאס קען מען ניט תשובה טאהן ; ווארום אז ער וועט תשובה טאהן דארף ער אוועק געבין וואס ער האט גיגזלת . אונ ער ווייס ניט ביי וועמען

גזל הדיוט יותר מגזל גבוה שזה הקדים חטא למעילה
וזה הקדים מעילה לחטא:

לז וא"ר לוי בא וראה שלא כמדת הקב"ה מדת ב"ו
הקב"ה ברך את ישראל בכ"ב וקללן בח'
ברכם בכ"ב (ויקרא כו) מאם בחקותי עד קוממיות וקללם
בח' (שם) מ'אם בחקתי תמאסו עד ואת חקתי געלה
נפשם ואילו מש"ר ברכן בח' וקללם בכ"ב ברכם בח'
(דף פט) (דברים כח) מוהיה אם שמוע עד לעבדם וקללם
בכ"ב מן (שם) והיה אם לא תשמע עד ואין קונה:

לח ת"ר מנין שאין מוחקין במקום שגודשין ואין
גודשין במקום שמוחקין ת"ל (דברים כה)
איפה שלמה ומנין שאם אמר הריני מוחק במקום
שגודשין ולפחות מן הדמים והריני גודש במקום
שמוחקין ולהוסיף לו על הדמים שאין שומעין לו ת"ל
איפה

אין זו תשובה מעל"א מאחר שאינו משיב לבעלים גזל הדיוט הקדים בו חטא וכו'. דכתיב כי תחטא ומעלה מעל וכחש וגו' דמיד בתחלת הגזל קרי ליה חטא מכ"ש כפירה וגבי הקדש כתיב תמעול מעל וחטאה בשגגה מק שי ה' לא מקרי חוטא עד שנהנה: שלא כמדת הקב"ה מדת ב"ו. שהקדוש ב"ה רחמן וברכתו מרובה מקללתו אבל אדם קללתו מרובה מברכתו: כ"ב אותיות. כדמסיק לקמיה מאם בחקותי עד קוממיות א"ף שבתחלת הפרשה ותי"ו שבסופה הרי כ"ב אותיות לבד הכפולות: מואם בחקותי תמאסו עד געלה נפשם. מוא"ו עד מ' ח' אותיות: והיה אם שמוע. בפרשת כי תבא: והיה אם לא תשמע עד אין קונה. חשוב אלפ"א בית"א מוא"ו דוהיה אם לא תשמע ועד סופה והוא הלילה עד ה"א דאין קונה הרי כ"ב:
מנין שאין מוחקין במקום שגודשין. ואפילו מה"ל קונה: ושאין גודשין במקום שמוחקין, ואפילו מה"ל מוכר דאם עושין כן שמא יראו אותן אחרים ויאמרו כך המנהג וירמה הלוקח את המוכר או המוכר את הלוקח ושא ניכא למימר דלא מה"ל מיירי דהשוא מילא תעשו עול נפקא שגוזל את שלו בידים: ש"ל איפה שלמה. כמו שמודדין בעיר: לפחות.

ער האט גיגזלת. און ער ווייס ניט וויא פיל ער האט גיגזלת: נאך האט רבי לוי גזאגט אז אמענטש גזלת ביי אמענטש. איז אגרעסערע עבירה וויא מען גזלת פון בית המקדש. אז אמענטש גזלת ביי אמענטש שטייט חטא פאר מעילה. כי תחטא ומעלה. צוא ווייזן באלד וויא ער גזלת אפילו ער האט נאך ניט הנאה גיהאט פון דער גזלה. איז שוין אעבירה. און אז מען גזלת פון בית המקדש שטייט מעילה פאר חטא. תמעול מעל וחטאה: צוא ווייזן עס איז ניט גירופען אזינד ביז נאך דער הנאה:

לז ואמר. נאך האט רבי לוי גזאגט קום און זעה דיא מדה (דיא נאטור) פון גאט איז ניט וויא דיא מדה (דיא נאטור) פון אמענטש. גאט האט גיבענשט דיא יודין מיט צווייא און צוואנציג אותיות. און גיפלוכט האט ער זייא מיט אכט אותיות. ער האט זייא גיבענשט מיט צוויי און צוואנציג אותיות פון אם בחקותי ביז קוממיות. דאס איז פון אל"ף ביז תי"ו. און גיפלוכט האט ער זייא מיט אכט אותיות פון ואם בחקותי תמאסו ביז ואת חקותי געלה נפשם. דאס איז פון וא"ו ביז מ"ם. אבער משה רבינו האט זייא גיבענשט מיט אכט אותיות. און האט זייא גיפלוכט מיט צווייא און צוואנציג אותיות. גיבענשט האט ער זייא מיט אכט אותיות פון והיה אם שמוע ביז לעבדם. פון למ"ד ביז מ"ם. און גיפלוכט האט ער זיי מיט צוויי און צוואנציג אותיות. פון והיה אם לא תשמע ביז ואין קונה. פון וא"ו ביז ה"א. דס איז דער גאנצער אל"ף בי"ת:

לח תנו רבנן. דיא רבנן האבען גילערונט פון וואנען ווייסען מיר אז מען טאר ניט פר קויפען אגלייכע מאס אין דיא שטאט וואו אלע פאר קויפען אאויפגישאטענע מאס. אפילו דער קויפער שיינקט אים די ביסול טאר מען אויך ניט. און מען טאר ניט פר קויפען אאויפגישאטענע מאס אין דיא שטאט וואו אלע פאר קויפען אגלייכע מאס. אפילו דער פאר קויפער שיינקט אים דיא ביסול. טאר מען אויך ניט. ווארום עס שטייט איפה שלמה. אגאנצע מאס. אזו ווי מען מעסט אין שטאט מוז ער אויך מעסטין. און פון וואנען ווייסען מיר אז דער פאר קויפער זאגט איך וועל מעסטין אגלייכע מאס. און אין שטאט מעסטין אלע אאויפגישאטענע מאס. נאר איך וועל פאר קויפען וועניגער. אדער ער זאגט איך וועל מעסטין אאויפגישאטענע מאס. און אין שטאט מעסטין אלע אגלייכע מאס. נאר דוא זאלסט מיר געבין אביסול טייערער. זאל מען אים ניט פאלגין. נאר ער מוז מעסטין וויא אלע מעסטין. ווארום עס שטייט אין פסוק אגאנצע

איפה שלמה וצדק יהיה לך. ת"ר מנין שאין מעיינין במקום שמכריעין ואין מכריעין במקום שמעיינין ת"ל (שם) אבן שלמה ומנין שאם אמר הריני מעיין במקום שמכריעין ולפחות מן הדמים והריני מכריע במקום שמעיינין ולהוסיף לו על הדמים שאין שומעין לו ת"ל אבן שלמה וצדק יהיה לך אמר רב יהודה מסורא לא יהיה לך בביתך ומה טעם משום איפה ואיפה לא יהיה לך בכיסך מה טעם משום אבן ואבן. אבל אבן שלמה וצדק יהיה לך איפה שלמה וצדק יהיה לך:

לט ת"ר (דברים כה) לא יהיה לך מלכד שמעמידין אגרדמים למדות ואין מעמידין אגרדמים לשערים דבי נשיאה אוקמי אגר דמים בין למדות בין לשערים א"ל שמואל לקרנא פוק תני להו מעמידי אגרדמים למדות ואין מעמידין לשערים נפק דרש להו מעמידין

הלכה דקיימא לן גודשא תלתא והלכך יפחות שליש הדמים: ש"ל וצדק. לשפויי אתא וצדק מכ"מ [וד"ה זה יכול לנכויי רמאות דאיכא דהוי כמדידה ולא ידע לא בפחות ולא בה"ס מ"ת] ובספרי יליף לכולהו מוצדק (וכן נראה בעיני דמשלמה לא ילפינן אלא שלא יעשנה אבל מחוקה או גדושה שלמה קיימא ביה): מעיינין. לשקול עין בעין: במקום שמכריעין. מעט: לא יהיה לו בביתו. ממון מה טעם משום איפה ואיפה שלוקח בגדולה ומוכר בקטנה בביתך יתירה קדרים: אבל אבן שלמ'. ואם בביתך אבן: לא זה וצדק: יהיה לך. ממון כדאמרינן בעלמא מה יעשה אדם ויתעשר ישא ויתן באמונה:

ס"ד לא יהיה לך. לבית דין קא מזהיר רחמנא ואגב יתירה קא דריש דמצי למכתב לא יהיה לך בכיסך אבן ואבן גדולה וקטנה כי אם אבן שלמה וצדק: אגרדמים. שהוא ממונה על המדות להלקות ולענוש על מעוותי המדות: ואין מעמידין אגרדמים לשערים. שלא ימכרו ביוקר מנתא באפי נפשיה ולא מקרא יליף אלא סברא הוא שאם זה ימכור ביוקר יהיו נמנעים מלקנות ממנו. נפק ליה קרנא בעיניה (נ"ג דלא הוה ליה הכי) [ואע"ג דאמרינן

מאָס אַריכטיגע זאָל זיין צוא דיר. מיינט מען דוא זאָלסט מעסטין ריכטיג וויא אַלע מעסטין. די רבנן האָבען גילערונט פון וואַגען וויסען מיר אַז מען טאָר ניט וועגין גלייכע שאָלין. אין דיא שטאָט וואו אַלע מענטשין וועגין דיא שאָל מיט דיא סחורה איבער. עס זאָל אַראָפּ וועגין אַטפּח. אונ מען טאָר ניט אַראָפּ וועגין דיא שאָל מיט דיא סחורה אַטפּח. אין דיא שטאָט וואו אַלע וועגין גלייכע שאָלין. וואָרום עס שטייט אין פסוק אבן שלמה. אַגאַנצע וואָג. אַזוי וויא מען וועגט אין שטאָט מוז ער אויך וועגין. אונ פון וואַנען וויסען מיר אַז דער פאַר קויפער זאָגט איך וועל וועגין גלייכע שאָלין. אונ אין שטאָט וועגין אַלע דיא שאָל מיט דיא סחורה זאָל אַראָפּ וועגין אַטפּח. נאָר איך וועל פאַר קויפען וואָלוועלער. אָדער ער זאָגט איך וועל וועגין דיא סחורה זאָל אַראָפּ וועגין אַטפּח. אונ אין שטאָט וועגין אַלע גלייכע שאָלין. נאָר דוא זאָלסט מיר געבין אַבּיסל טייערער. זאָל מען אים ניט פאָלגין. נאָר ער מוז וועגין ווי אַלע וועגין. וואָרום עס שטייט אין פסוק אַגאַנצע וואָג אַריכטיגע זאָל זיין צוא דיר. מיינט מען דוא זאָלסט וועגין ריכטיג וויא אַלע וועגין. רב יהודה פון סורא האָט גיזאָגט עס שטייט אין פסוק לא יהיה לך בביתך. דו וועסט גאָר ניט האָבען אין שטוב. דוא וועסט זיין אַאָרעם מאַן. פאַר וואָס ווייל איפה ואיפה. דוא וועסט האָבען צוויי מאָסין אַ גרויסע אונ אַקליינע. קויפען וועסטו אויף דיא גרויסע מאָס. אונ פאַר קויפען וועסטו אויף דיא קליינע מאָס. לא יהיה לך בכיסך. דוא וועסט גאָר ניט האָבען אין דיין בייטיל. דוא וועסט זיין אַאָרעם מאַן. פאַר וואָס ווייל אבן ואבן. דוא וועסט האָבען צוויי שטיינער צוויא פונטען אַגרויסען אונ אַקליינעם. קויפען וועסטו אויף דעם גרויסען פונט. אונ פאַר קויפען וועסטו אויף דעם קליינעם פונט. אָבער אַז דוא וועסט האָבען איין פונט אַגאַנצען אונ אַריכטיגען וועסטו האָבען געלט. אַז דוא וועסט האָבען איין מאָס אַגאַנצע אונ אַריכטיגע וועסטו האָבען געלט. וועט דיר גאָט געבין גליק אונ דוא וועסט רייך ווערין:

לט תנו רבנן. דיא רבנן האָבען גילערונט עס שטייט אין פסוק עס זאָל ניט זיין צו דיר אַפאַלשע וואָג אונ ניט אַפאַלשע מאָס. דער פסוק לערונט אונז אַז בית דין זאָלין שטעלין שמשים זייא זאָלין אַכטונג געבין אין דיא האַנדלען עס זאָל ניט זיין פאַלשע וואָגין אונ פאַלשע מאָסין. אָבער בית דין דאַרפין ניט שטעלין שמשים זייא זאָלין אַכטונג געבין מען זאָל ניט טייער פאַר קויפען. דיא מענטשין פון נשיא פלעגין שטעלין שמשים זייא זאָלין אַכטונג געבין עס זאָל ניט זיין פאַלשע מאָסין אונ פאַלשע וואָגין אונ מען זאָל ניט טייער פאַר קויפען. האָט שמואל גיזאָגט צו

מעמידין אגרדמים בין למדות ובין לשערים א"ל מ"ה שמך קרנא תיפוק ליה קרנא בעיניה והוא כמאן סבר כי הא דאמר רמי בר חמא אמר רבי יצחק מעמידים אגרדמים בין למדות ובין לשערים מפני הרמאים:

(ע"ב) מ תנו רבנן אין עושין את המחק צדו אחד עבה וצדו אחד קצר ולא ימחוק בבת אחת שהמוחק בבת אחת רע למוכר ויפה ללוקח ולא ימחוק מעט מעט מפני שרע ללוקח ויפה למוכר ועל כלן אמר ריב"ז אוי לי אם אומר ואוי לי אם לא אומר אוי לי אם אומר שמא ילמדו ממני הרמאים ואוי לי אם לא אומר שמא יאמרו הרמאים אין תלמידי

במסכת שבת (דף קח) דרב לטייה כשבא מבבל ותפי ליה קרנא אקנקניה איכא למימר דגרמיה ליה כתא והא]: מפני הרמאים. שממתינין עד שימכור אותו המוכר בזול ואח"כ מוכרים ביוקר. נ"א שמוכרים ביוקר ואומרים שהוסיפו במדה או שנתן חטים יפות למעלה ורעות מלמטה או כל מיני רמאות וכדאשכחן שהיו מעמידין פרהדרין שהיו מכין בעלי חנויות והיו או מרים להם מכרו בזול במסכת יומא:
המחק. שמוחקין בו את המדה: צדו אחד עבה. אינו מוחק כל כך שאינו נכנס בדוחק: צדו אחד קצר. גרסינן בתוספתא שמוחק יפה וכשלוקח מוחק בצדו עבה וכשמוכר מוחק בקצר אלא שניהם שוים כ מנהג המדינה אם בקצר אם בעבה: בבת אחת. בפעם אחת ובמהרה שאינו מוחק יפה. מעט מעט. כגון שמוחק רוחב טפח לבדו ומגביה את המחק וחוזר וכובש את המחק ומוחק טפח אחר אלא בפעם אחת ובנחת א"נ בשתי פעמים כגון מוחק עד חצי מדה ומגביה המחק וחוזר ומוחק חצי המדה השני: על כולן. על כל מיני עולות כללו: במת.

קרנא גיי לערין זייא בית דין דארפין שטעלין שמשים עם זאל ניט זיין פאלשע מאסין אונ פאלשע וואגין. אבער זייא דארפין ניט שטעלין שמשים מען זאל ניט טייער פאר קויפען. איז קרנא גיגאנגען אונ האט זייא גידרשת מען שטעט שמשים זייא זאלין אכטונג געבין עס זאל ניט זיין פאלשע מאסין אונ פאלשע וואגין אונ מען זאל ניט טייער פאר קויפען. הט שמואל גזאגט צוא קרנא וויא איז דיין נאמען. האט קרנא גזאגט מיין נאמען איז קרנא. האט שמואל גזאגט צוא קרנא זאל דיר ארויס וואקסען אקרנא (א הארין) פון דיינע אויגען. וויא ווער הט קרנא גיהאלטען. אזו וויא רמי בר חמא הט גזאגט פון רבי יצחקס וועגין. מען שטעלט שמשים זיי זאלין אכטונג געבין עס זאל ניט זיין פאלשע מאסין אונ פאלשע וואגין אונ מען זאל ניט טייער פר קויפען. ווייל עס איז דא פאלשע מענטשין זיי בעהאלטין די תבואה אונ פר קויפען ניט ביז אלע האבען שוין זייערע תבואות פר קופט הייבין זיי אן צו פר קויפען פר טייער. אבער אז זיי וועלין וויסען אז מען לאזט זיי ניט טייער פר קויפען. וועלין זיי ניט בעהאלטען די תבואה. נאר זיי וועלין פר קויפען ווען אלע הענדלערס פאר קויפען:

מ תנו רבנן דיא רבנן האבען גילערונט דער האלץ וואס מען פאר גלייכט מיט אים דיא מאס זאל מען ניט מאכען איין זייט גראב אונ דיא אנדערע זייט דין. ווארום מיט דיא גראבע זייט פאר גלייכט זיך ניט אזוי גוט וויא מיט דיא דינע זייט. דריבער אז ער קויפט תבואה פאר גלייכט ער מיט דיא גראבע זייט. אונ אז ער פאר קויפט פאר גלייכט ער מיט דיא דינע זייט. דאס טאר מען ניט. נאר ביידע זייטען זאלין זיין גלייך. אדער ביידע זייטין דין אדער ביידע זייטין גראב. אזוי וויא אלע סוחרים פאר גלייכין אונ ער זאל ניט אגלייך געבין מיט איין מאהל אונ געשווינט. ווארום אז ער טוהט אגלייך מיט איין מאהל אונ געשווינט איז שלעכט פאר דעם פארקויפער. אונ עס איז גוט פאר דעם קויפער. ווייל עס פאר גלייכט זיך ניט גוט. אונ ער זאל ניט גלייכין ביסלאכווייז ופאר גלייכין אשטיקול אונ אויף הייבין דעם האלץ. נאך אשטיקול פאר גלייכין אונ אויף הייבין דעם האלץ. ווייל דאס איז שלעכט פאר דעם קויפער אונ גוט פאר דעם פארקויפער נאר אזוי וויא ער לייגט ארויף דעם האלץ אויף דיא מאס זאל ער ציהען דעם האלץ פאמעלאך איבער דיא גאנצע מאס. אדער ער זאל נאר ציהען ביז אהאלבע מאס אונ אויף הייבין דעם האלץ. דער נאך זאל ער ציהען ביז אין גאנצין. אויף די אלע זאכין האט רבי יוחנן בן זכאי גיזאגט עס איז מיר שלעכט איך זאל זאגין. אונ עס איז מיר שלעכט איך זאל ניט זאגין. עס איז מיר שלעכט איך זאל זאגין די אלע פאלשקייט וואס עס קען זיין אין האנדיל. טאמער פון מיינע רייד וועלין דיא פאלשע מענטשין וויסען וויא אזוי צוא מאכין פאלש. אונ עס איז מיר שלעכט איך זאל ניט זאגין. טאמער וועלין דיא

הלמידי הכמים בקיאין במעשה ידינו. אמרה או לא אמרה אמר רבי שמואל בר רב יצחק אמרה ומהאי קרא אמרה (הושע יד) כי ישרים דרכי ה' וצדיקים ילכו בם ופשעים יכשלו בם:

פיולא בזה שנינו פרק י"ז ממסכת כלים:

מא קנה מאזנים והמחק שיש בהם בית קבול מתכת והאסל שיש בו בית קביל מעות קנה של עני שיש בו בית קבול שמן ומקל שיש בו בית קבול מזוזה ומרגליות הרי אלו טמאין ועל כלם אמר

יאמרו וכו': ומתוך כך יבאו לרמות יותר וק"ע הלמודה אמרה ר' יוחנן לכסף לו לא אמרה דמעיקרא הוה מספקא ליה אם יאמר או לא ולבסוף מי אפשיטא ליה: ישרים דרכי ה'. דרכי תורה: צדיקים ילכו בם. יזהרו בם שלא לרמות את הבריות: יכשלו בם. ילמדו לרמות. ע"כ פירש רשב"ם:
קנה מאזנים. עושין אותו חלול ומטמין בו חתיכות קטנות של מתכת ומגלגלו למקום שירצה להכריע כפו: והמחק. אמרינן בפרק המוכר את הספינה אין עושין מחק של דלעת מפני שמיקל פירות ורע למוכר ולא של מתכת מפני שהוא מכביד ורע ללוקח ברמאי עושה אותו חלול וכשהוא מוכר מכניס בו מתכת וכשהוא קונה מוציאו: האסל. מוט במשאין בו בכיף וכתים פועלים מרובים ובעה"ב טרוד בפועליו אחר שקבל שכרו נותנו בבית קבול של מוט ותובע שכרו שנית ואין בעה"ב נותן לב לחפש במוט: קנה של עני. כשעושה מלאכה אצל בעה"ב גונב שמן ונותן לתוכו: בית קבול מזוזה ומרגליות. לגנוב בו המכס [וכלומר שמניח בו המזוזה שאין נותנין ממנה מכס והתחיה טומן המרגליות. הוי"ט וע"ש עוד פי' אחר

פאלשע מענטשין זאגין די תלמידי חכמים ווייסי גאר ניט אונזערע אלע שווינדלען. פרעגט דיא גמרא וואס איז געוועזן דער סוף האט רבי יוחנן געזאגט אדער ער האט ניט געזאגט. רבי שמואל בר רב יצחק זאגט רבי יוחנן האט יא געזאגט: אונ פון דעם פסוק האט ער געזאגט. דיא וועגין פון גאט זענען גלייך: צדיקים גייען אין דיא וועגין אונ דיא רשעים ווערין געשטרויכעלט אין דיא וועגין. דיא תורה איז אגלייכע וועג פאר דעם מענטשין. דיא צדיקים דארפין וויסען אלע פאלשקייט. זייא זאלין וויסען וואס מען מעג אונ וואס מען טאר ניט. אונ דיא רשעים וועלין געשטרויכעלט ווערין. זייא וועלין וויסען וויא אזוי צוא גינארין:

מא קנה מאזנים. דער שטעקין וואס אויף איהם הייגגען דיא שאלין פון ביידע עקין אויב דער שטעקין איז הויל אינווייניג. אונ עס ליגט אינווייניג שטיקלאך אייזין. אז מען וויל טוהט מען אביסיג דעם שטעקין צוא דיא רעכטע שאל. פאלין דיא שטיקלאך אייזין אינווייניג צוא דיא רעכטע שאל. בייגט זיך אראפ דיא רעכטע שאל: אונ אז מען טוהט אביסיג דעם שטעקין צו דיא לינקע שאהל. פאלין דיא שטיקלאך אייזין אינווייניג צו דיא לינקע שאהל. בייגט זיך אראפ דיא לינקע שאל. אזוי קען מען געבין אפאלשע וואג אונ קיינער זאל ניט וויסען. והמחק. אונ דער האלץ וואס מען פאר גלייכט מיט אים דיא מאס. אויב ער איז גרינג פאר גלייכט זיך ניט גוט איז דאס גוט פאר דעם קויפער. אונ עס איז ניט גוט פאר דעם פארקויפער. אונ אויב ער איז שווער. ער איז פון אייזין: שיט דער אייזין צוא פיל אראפ איז שלעכט פאר דעם קויפער: אונ גוט פאר דעם פארקויפער. אז ער וויל מאכין אפאלש. נעמט ער אהאלץ אונ הויקט אים אויס. אונ אז ער וויל פאר קויפין אמאס תבואה לייגט ער אינווייניג אריין אאייזין. אונ קיינער ווייס ניט. אונ אז ער וויל קויפין אמאס תבואה נעמט ער ארויס דעם אייזין. והאסל: דאס איז אזוי אהאלץ וואס דיא וואסער טרעגער האלטין איהם אויף דיא אקסלען אונ הייגגען אן צווייא עמערס אין ביידע זייטין אונ טראגין דיא וואסער. אדער זייא הייגגען אן אנדערע משאות. איין משא אין יעדין עק שטעקין. אונ אזוי טראגין זייא. אונ דיא פאלשע טרעגערס מאכין אלאך אין דעם האלץ אריין צו לייגין געלט אינווייניג. אונ אז דער פאלשער טרעגער ארבעט ביי א איין בעל הבית מיט נאך טרעגערס צוא זאמען. אז עס קומט צוא בצאהלין נעמט ער דאס געלט פון בעל הבית אונ לייגט אריין דיא געלט אין דעם האלץ קיינער זאל ניט זעהן. אונ ער מאנט נאך אמאהל געלט. דער בעל הבית זאגט איך האב דיר שוין בצאהלט. אונ דר טרעגער שרייט זוכט ביי מיר איך האב ניט איין גראשין. אונ קיינער ווייס ניט צו זוכען אין דעם האלץ. אנדערע ארעמע לייט ארבעטר האבין גראבע שטעקינס אויס געהוילט. אונ ער ארבעט ביי די אייגענטימער גנבת ער בוימאייל אונ גיסט אריין אין דעם שטעקין. אונ די סוחרים וואס האנדלען מיט דימאנטין

אמר רבן יוחנן בן זכאי אוי לי אם אומר אוי לי אם לא אומר (אמרה וכו') :

מב ת"ר (ויקרא יט) לא תעשו עול במשפט במדה במשקל ובמשורה במדה זו מדידת קרקע שלא ימדוד לאחד בימות החמה ולאחד בימות הגשמים . במשקל שלא יטמין משקלותיו במלח . במשורה שלא ירתיח וק"ו מה משורה שהיא א' מל"ו בלוג הקפידה עליו תורה ק"ו להין וחצי הין ושלישית ההין ורביעית ההין ולוג וחצי לוג ורביעית לוג וחצי תומן ועוכלא . אמר רב יהודה אמר רב אסור לאדם שישהה מדה חסרה או יתירה בתוך ביתו ואפילו הוא עביט של מימי רגלים . אמר רב פפא לא אמרן אלא

אמר] : אוי לי אם אומר וכו'. מטעם שההוא בברייתא הכתוב למעלה שלא ילמדו הרמאים וכו' כן פירש הרב רבינו אשר ז"ל . ובפירוש הרמב"ם ז"ל יש קצת שינוי וזהו זה אבל מן יעשה על הכקף ויהיו בו הדבר אשר ימכור ויערים התמוני שיעשה בתוכו בית קבול מעות עד שיהיה שם מה שיגנוב מהכסף בסתורה ולא יודע : וקנה של עני שיש בו בית קבול מים . פי' שיעשה אותה הלולה ויהיה בסוף מים לשתות ממנו ויאמר לאנשים שהוא בתענית כדי שיחמלו עליו . הנה אלה כולם אע"פ שהם פשוטי כלי עץ אשר לא יקבלו טומאה מ אורייתא כיון שנעשה להם בית קבול מ"מ הנה הם טמאים וא"ר יוחנן וכו': זו מדת קרקע . שהרי מדת כלי כתוב לקמיה דסיום משורה כדכתיב ובמשורה הסתם : שלא ימדוד לאחד . מב' לקוחות שלקחו קרקע בשותפות או לאחד מב' אחין שחלקו שדה : לאחד בימות החמה . ולאחד באותו חבל עצמו בימות הגשמים שבימות החמה החבל יבש וקצר יותר מבימות הגשמים . ור"ח פירש בימות הגשמים הקרקע כווץ ובימות החמה ר"ת קשה

בפתיחה ומוסיף במדה : במלח . שמכבידין : שלא ירתיח . שלא יספוק המוכר את היין בהוזק ומגביה לתוך משורתו של לוקח מפני שעולה הקצף ויעשה מה בלע"ז והכלה קמלא : ומה משורה . בסיא קטנה כל כך שלשים ושתים יש מהן בלוג הקפידה תורה ברתיחתם שלא תהיה כתית ממלא בלוג : ק"ו . ברתיחות כלי גדול כגון הין כו' או אפילו שלישית ההין וכו' : והגי תומן ועכלא . גרסינן בהו פהא. תומן (ועוכלא פחותים הן מרביעית הלוג. תומן שמינית הלוג) [שמינית הקב חצי לוג]: עוכלא. לקמן מפרש: שישהה. דזמנין דאתי למדוד ומיכו קרא לא הזכיר גדולה וקטנה אלא כשיהקבה לו על מנת למוד בהן דאי לא סימא הכי אמאי אצטריך ליה למימר: ואפילו הוא

אונ מיט פעריל : אז זייא וויל'ען גנבנ'ן דיא דימאנטען אונ פעריל איבער דיא גרענעץ . נעמען זיי אאויסגיהוילטען שטעקין אונ שיטען אריין איננווייניג דיא דימאנטען מיט דיא פעריל אונ פון הויבין ליינין זייא אריין אמזוזה . אונ זייא זאגין אז אין דעם שטעקין איז ניטא קיין אנדער זאך נאר מזוזות . דיא אלע כלים אז זייא רירען אן אטומאה ווערין זייא טמא : אונ אויף דיא אלע כלים האט רבי יוחנן בן זכאי גיזאגט . עס איז מיר שלעכט איך זאל זאגין . אונ עס איז מיר שלעכט איך זאל ניט זאגין :

מב תנו רבנן : דיא רבנן האבין גילערונט עס שטייט אין פסוק איר זאלט ניט טאהן קיין אומרעכט אין משפט דער דיין זאל ניט פסקנ'ן פאלשו . אונ איהר זאלט ניט טאהן אומרעכט במדה במשקל במשורה . במדה מיינט מען דיא מאס פון ערד . ערד פלעגט מען מעסטין מיט אשטריק . אונ אז צוויי ברידער אדער שותפים ווילען טיילען אפעלד . זאל מען נישט מעסטין צו איינעם אום זומער אונ צו איינעם אום ווינטער מיט דעם זעלבינגען שטריק . ווארום זומער איז דער שטריק איין געטריקונט איז ער קירצער . אונ ווינטער איז דער שטריק נאס קען מען איהם גוט אויס ציהען איז ער לייננער . האט דאך איינער אגרעסערע שטיק פעלד אונ איינער האט איין קלענערע שטיק פעלד . במשקל מיינט מען ער זאל ניט בעהאלטין זיינע געוויכטער אין זאלץ . ווארום זייא ווערין שווערער . אז ער וועט קויפין סחורה אויף דיא געוויכט נארט ער דאך דעם פאו קויפער . במשורה מיינט מען ער זאל ניט מאכין אשאם . ווארום דיא מאס איז ניט פול . אונ מאראך משורה וואס דיא . מ.ס איז אזעקס אונ דרייסיג חלק פון אלוג וואס דיא שאם איז גאנץ ווייניג . האט דיא תורה גיזאגט מען זאל ניט געבין מיט דיא ביסול שאם . נאר ריינע משקה אן שאם . אז איינער מעסט מיט אעמער אדער מיט אהאלבין עמר אדער מיט אדריטעל עמער אדער מיט אפערטיל עמער אדער מיט אלוג אדער מיט אהאלבין לוג אדער מיט אפערטיל לוג אדער מיט אהאלבין תומן אדער מיט אעוכלא (תומן אונ עוכלא זענען אזעלכע מאסין) דארף ער ג..וים מעסטין אן אשאם . רב יהודה זאגט פון רבס וועגין אמענטש טאר ניט האלטין אפאלשע מאס בייא זיך אין שטוב . סיי דיא מאס איז אביסול קלענער אונ סיי די מאס איז אביסול גרעסער . אפילו ער מיינט ניט צו מעסטין מיט איר פון דעסטוועגין טאר ער זי ניט האלטין אין שטוב . אפילו ער איז משתין אין איר . פון דעסטוועגן טאר ער זי ניט האלטן . נאר ער מוז זי צוברעכין . רב פפא זאגט ווען טאר

אלא באתרא דלא התימי אבל באתרא דחתימי אי לא חזי חותמה לא שקיל ובאתרא דלא התימי נמי לא אמרן אלא דלא מהנדסי אבל מהנדסי לית לן בה ולא היא זמנין דמתרמי בין השמשות ומקרי ושקיל:

(דף נ ע"ב) **מג** ת"ר אוצרי פירות ומלוי ברבית ומקטיני איפה ומפקיעי שערים עליהם הכתוב אומר (עמוס ח) לאמר מתי יעבור החדש ונשבירה שבר והשבת ונפתחה בר להקטין איפה ולהגדיל שקל ולעות מאזני מרמה מה כתיב אחריו (שם) נשבע ה' בגאון יעקב אם אשכח לנצח כל מעשיהם. אוצרי פירות כגון מאן א"ר יוחנן כגון שבתאי אצר פירי:

אבוה

הוא שביט. דאיכא למיחש פעמים שרוחא ומעביר טופו ומודד בו הילכך אין לו תקנה אלא שבירה: דלא התימי. שאין ממונה של מלך עושה חותם במדות הילכך אסור דאתי לרמות: לא שקיל. לוקח ומוהר לשבות: מהנדסי. הולכין ובאין ממונים של מלך לבדוק במדות: דמתרמי בין השמשות. שהכל טרודין ואין רואהו א"נ הלוקח עצמו מתוך טרדו אינו נותן אל לבו ומקרי ושקיל הילכך יבוא המוכר לרמות בו: אוצרי פירות. שקונין בשוק לאוצרם למכור ביוקר וגורמין שמתייקר השער ואיכא הפסד עניים וה"נ דבעיר שרובה ישראל מיירי: מפקיעי שערים. מוסיפין על השער: מתי יעבור החדש ונשבירה שבר. כלומר למכור ביוקר לסוף חדש אחר ימות הגורן והיינו מפקיעי שערים דלחדש אחד לא מקרי אוצרי פירות: והשבת ונפתחה בר. כלומר מתי תגיע שנת שמטה ונפתחה אוצרות בר והיינו אוצרי פירות: להקטין איפה. והיינו מקטיני איפה: להגדיל שקל. (נראה לי דהיינו מלוי ברבית שמגדיל שקלו על ידי רבית ואי משום להגדיל שקל ממש ממקטיני איפה שמעת ליה ומאזני מרמה נמי שמעת אונאות משקלות) וכתיב בתריה נשבע ה' בגאון יעקב וגו': כגון שבתאי אצר פירי. כדי למכור לעניים ביוקר אבל כגון דאוצר פרי בשעת הזול ומוכרן בזול לעניים בשעת היוקר כדלקמן אע"פ שגורם יוקר השער מותר:

מען ניט האלטען דיא מאס נאר אין דיא שטאט וואס דיא ריכטיגע מאסין זענין ניט גיחתמת מיט דיא חתימה פון מלך. דריבער דער קענט מען ניט וועלכע מאס איז א ריכטיגע. וועט ער קענען נארין. אבער אין דיא שטאט וואס דיא ריכטיגע מאסין זענען גיחתמת מיט די חתימה פון מלך. מעג מען האלטען דיא פאלשע מאס אין שטוב. אונ מיר האבין ניט מורא טאמער וועט ער מעסטין מיט דיא פאלשע מאס. ווארום אז מען זעהט ניט דיא חתימה נעמט מען ניט דיא מאס. אונ אין דיא שטאט וואס דיא ריכטיגע מאסין זענין ניט גיחתמת ווען טאר מען ניט האלטען דיא פאלשע מאסין נאר אז דיא פאליציי קומען ניט בעקוקען דיא מאסין אויב זייא זענין ריכטיג. אבער אז דיא פאליציי קומען בעקוקען דיא מאסין. מעג ער האלטען דיא פאלשע מאסין ביי זיך אין שטוב. אונ מיר האבען ניט מורא טאמער וועט ער מעסטין מיט דיא פאלשע מאס. ווארום ער האט מורא טאמער וועלין דיא פאליציי דער זעהן וועלין זייא אים שטראפין. זאגט דיא גמרא אבער דער דין איז ניט אזוי. אפילו דיא פאליציי בעקוקען די מאסין פון דעסטוועגין טאר מען ניט האלטען די פאלשע מאסין. טאמער וועט אמאל זיין פרייטאג שפעט פארין נאכט ווען אלע מענטשין איילין זיך גיבען זיי ניט אכטונג מיט וואס מען מעסט וועט ער דער ווייל מעסטין מיט די פאלשע מאס:

מג תנו רבנן. דיא רבנן האבען גילערנט דיא מענטשין וואס קויפען תבואה אין גאס ווען עס איז וואלוויל. אונ זייא בעהאלטין דיא תבואה ביז עס וועט טייער ווערין. זייא זאלין פאר דינען. דער ווייל אבער דורך זייער קויפען דיא תבואה אין גאס ווערט שוין טייער. טוהען זייא דאך שאדין דיא ארעמע לייט. אונ דיא מענטשין וואס פאר בארגין געלט אונ נעמען פראצענט. אונ דיא וואס האבען קליינע מאסין פאלשע. אונ דיא וואס מאכען טייער דיא תבואה אונ פירות אין גאס. אויף זיי זאגט דער פסוק די וואס זאגין ווען וועט שוין אריבער גיין דער חודש וועלין מיר פר קויפען די קארין פאר טייער. אונ ווען וועט שוין קומען דער יאהר פון שמטה וועלין מיר עפענען דיא שפייכלערס מיט קארין. מיר וועלין מאכן קליין די מאסין. אונ מיר וועלין גרוים מאכען דעם טאלער מיר וועלין נעמען פראצענט. פאר א טאלער וועלין מיר נעמען זיבען גילדען. אונ מיר וועלין פאר קרימען די וואג שאלין צו געבין די פאלשע וואג. וואס שטייט נאך דעם גאט האט גישווארין ביי די גרויסקייט פון יעקב אויב איך וועל פר געסין אויף אייביג אלץ וואס זיי טהוען. וועלכע תבואה קויפערס האט גאט פיינט. האט רבי יוחנן גזאגט אזוי ווי שבתאי דער תבואה קויפער. ער קויפט תבואה ווען עס איז וואלוויל. אונ פר קויפט ביסלאכווייז צו ארעמע לייט פר טייער:

מד אבוה דשמואל מזבין להו לפירי בתרעא חריפא כי הריכא שמואל בריה משהי לפירי ומזבין להו בתרעא אפלא כתרעא חריפא שיחו מתם טבא דאבא מדברא מ"ט תרעא כיון דרווח רווח:

מה ת"ר אין מוציאין פירות מא"י דברים שיש בהם חיי נפש כגון יינות שמנים וסלתות רבי יהודה בן בתירא מתיר ביין מפני שממעט את התיפלה:

(דף נא) מו ת"ר אין יוצאין מארץ לח"ל אא"כ עמדו סאתים בסלע א"ר שמעון אימתי בזמן שאינו מוצא ליקח אבל בזמן שמוצא ליקח אפילו עמדה סאה בסלע לא יצא:

מז היה רבי שמעון בן יוחאי אומר אלימלך מחלון וכליון גדולי הדור היו ופרנסי הדור היו ומפני מה נענשו מפני שיצאו מהארץ לח"ל שנאמר (רות א) ותהום כל העיר עליהן ותאמרנה הזאת נעמי מאי הזאת נעמי א"ר יצחק אמרו חזיתם נעמי שיצאה מהארץ לח"ל מה עלתה לה ואמר רבי יצחק אותו היום שבאתה רות המואביה לארץ ישראל מתה אשתו של בועז והיינו דאמרי אינשי עד דלא שכיב שכבא קימי סני ביתיה

בתרעא חריפא. בשער המוקדם דהיינו בשעת הגורן: כי הריפא. בזול כדי שימכרו גם הכל ויזולו השער כל השנה: שמואל. מוהר להו לפירות שדותיו: ומזבין להו בתרעא אפלא. בעת היוקר: כתרעא חריפא. כשער הזול בהפסדו: ט"ת דאבא מדברא. טובים מעשה האב ממעשה הבן שהאב גורם מתחלה שלא יוקר השער כיון דרווח והוזל השער רווח עוד כל השנה אבל משהוקר השער אינו יכול להוזל מהרה: מפני שממעט כו'. דנכנס יין יצא סוד: אין יוצאין כו'. שמפקיע עצמו מן המצות: מתה אשתו של בועז. לאשמועינן שהקב"ה מקדים רפואה למכה ויש לאדם לבטוח בהקב"ה: עד דלא שכיב שכבא. קודם שימות המת: קיימי

מד אבוה. דער פאטער פון שמואל פלעגט זיין דער ערשטער צו פר קויפען תבואה אויף אוואהלפעלען מקח. אלע זאלען אזו פאר קויפען. זיין זוהן שמואל פלעגט אנדערש טאהן ער פלעגט האלטען זיינע תבואה: אז תבואה פלעגט טייער ווערין פלעגט ער פאר קויפען אויף דעם פריערדיגען מקח וויא עס איז געוועזען וואלוויל. הט מען געשיקט פון ארץ ישראל אז דער פאטער הט גיטאהן בעסער וויא דער זוהן. ווייל אז אנהייב יאהר שטעלט אוואהלפעלער מקח בלייבט שוין וואלוויל אגאנץ יאהר:

מה תנו רבנן. די רבנן האבען גילערונט מען טאר ניט ארויס פירען פירות פון ארץ ישראל אין חוץ לארץ. אונ אלע עסינווארג וואס אמענטש לעבט פון ידעם למשל וויין איל מעהל טאר מען ניט ארויס פירען פון ארץ ישראל אין חוץ לארץ. רבי יהודה בן בתירא זאגט וויין מעג מען ארויס פירען פון ארץ ישראל אין חוץ לארץ. ווייל עס וועט זיין ווייניגער נארעשקייט אין ארץ ישראל. וואררום אז א מענטש טרינקט וויין אונ ווערט שכור רעט ער נארעשקייט:

מו תנו רבנן. דיא רבנן האבען גילערונט מען טאר ניט ארויס גיין פון ארץ ישראל וואוהנען אין חוץ לארץ סיידין אין ארץ ישראל ווערט פאר קויפט צוויי סאה ווייץ פר אטאלער. רבי שמעון זאגט ווען מעג מען ארויס גיין פון ארץ ישראל אין חוץ לארץ אז מען קען ניט בקומען תבואה צו קויפען פר געלט. אבער אז מען בעקומט צו קויפען תבואה אפילו מען פאר קויפט איין סאה פאר אטאלער זאל מען אויך ניט ארויס גין פון ארץ ישראל אין חוץ לארץ וואוהנען:

מז היה. רבי שמעון בן יוחאי פלעגט זאגין אלימלך אונ מחלון וכליון זענען גיוועזען דיא גרעסטע פון דעם דור. אונ זייא זענען גיוועזען דיא פירערס פון דעם דור. אונ פאר וואס זענען זייא גישטראפט גיווארין. ווייל זייא זענין ארויס גיגאנגן פון ארץ ישראל אין חוץ לארץ. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ווען נעמי אונ רות זענין גיך מען צוריק אין בית לחם דט דיא גאנצע שטאט גיברומט אויף זיי. אונ זיי האבען גזאגט הזאת נעמי. רבי יצחק זאגט זיי האבן גזאגט דס איז נעמי. זעהט נעמי איז ארויס גיגאנגען פון ארץ ישראל אין חוץ לארץ וואס איר האט אלץ גיטראפן. נאך הט רבי יצחק גזאגט דעם טאג ווס רות המואביה איז גיקומען אין ארץ ישראל איז גישטארבן די ווייב פון בועז. דס איז ווס מענטשין זאגן איידער דער פ..ער פון

ביתיה. אמר רבה בר רב יצחק אמר רב אבצן זה בועז מאי קמ"ל כאידך דרבה בר רב יצחק דאמר רבה בר רב יצחק אמר רב ק"כ משתאות עשה בועז לבניו שנאמר (שופטים יב) ויהי לו שלשים בנים ושלשים בנות שלח החוצה ושלשים בנות הביא לבניו מן החוץ וגו' ולכל אחד ואחד עשה שני משתאות אחד בבית אביו ואחד בבית חמיו ולכולן לא זימן את מנוח אמר כודניתא עקרה במאי פרעא לי תנא וכולן מתו בחייו והיינו דאמרי אינשי בחייך דילדת שתין למה ליך דילדת איכפל ואוליד חד דמן שתין זריז. אמר רב חנן בר רבא אמר רב אלימלך ושלמון ופלוני אלמוני ואבי נעמי כולם בני נחשון בן עמינדב הם מאי קמ"ל שאפילו מי שיש לו זכות אבות אינה עומדת לו בשעה שיוצא מן הארץ לחוצה לארץ:

ואמר

תני ביתיה. עומד ומזומן כבר השמונה על ביתו ועומד במקומו: אבצן. מן השופטים הוא בספר שופטים: מאי קא משמע לן. מה ריוח יש בדבר ומה אנו למדין שום מזה מכאן: כדרבה בר רב יצחק. דקאמר שכל בניו של אבצן מתו בחייו ומדקאמר אבצן זה בועז וכתיב בבועז שנשא רות ואע"פ שהיו לו עדיין בנים הרבה אשמעינן דאם נשא אדם אשה בבחרותו ישא אשה בזקנותו כמו שעשה אבצן דהיינו בועז לפי שהיה ירא שמא ימותו בניו מאשה ראשונה בחייו ולא יהיה לו זכר וכתיב בבקר זרע את זרעך ולערב אל תנח ידך דמסכת נמי דרשינן ליה וכדמפרש קרא טעמא כי אינך יודע אי זה יכשר הזה או זה אבל אם לא אמר אבצן זה בועז הוה אמינא אבצן לא נשא אשה אחרת ובועז נמי לא היה לו מעולם אשה ובנים עד שלקח את רות: ק"כ משתאות. לששים בנים ובנות: לכל אחד שני סעודות. סעודת אירוסין שהוא מצוה כדאמרינן בפסחים וסעודת נשואין כל ז' ימי המשתה קרי סעודה אחת. יש לבנות אחרים ואין בהם ממש: כודניתא עקרה. פרדה עקרה: במאי פרעא לי. אין לו בנים שיזמינני לסעודתם: וכולם מתו בחייו. יל"ג הנא ומסקנא דמלתא דרבה בר רב יצחק הוא והכי הוה קים להו: בחייך דילדת שתין. שסופן למות: למה ליך. מה בלע בלידתך: איכפל. ונסב אשה אחרת: ואוליד חד (דשמא) משתין זריז. והיינו עובד שהוליד בועז מרות ויצא ממנו דוד מלך ישראל. ואיכא דמפרש לה בשמשון דזריז משתין דאבצן ולא נהירא כלל: שלמון. אבי בועז דכתיב ושלמון הוליד את בועז: ופלוני אלמוני. משמע ליה שם הגואל כדכתיב סורה שבה פה פלוני אלמוני: בני נחשון. כדכתיב ונחשון הוליד את שלמה ושלמון הוליד וכו': זכות אבות. אלימלך בן נחשון שהיה נשיא והס"ד:

שטוב שטארבט. שטייט שוין אן גיברייט דער אנדערער פירעד: איידער דיא ווייב שטארבט שטייט שוין אן גיברייט פר דעם מאן איין אנדערע ווייב. רבה בר רב יצחק הט גזאגט פון רבס וועגין אבצן איז בועז. צו וואס דארפין מיר דס וויסען. אזו ווי די אנדערע זאך וואס רבה בר רב יצחק האט גזאגט. ווארום רבה בר רב יצחק הט גזאגט פון רבס וועגין הונדערט מיט צוואנציג סעודות הט בועז גימאכט צו זיינע קינדער. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אבצן האט גיהאט דרייסיג זיהן. אונ דרייסיג טעכטער הט ער ארויס געשיקט פון שטוב צו זייערע מאנען. אונ דרייסיג טעכטער האט ער גיבראכט פון דער פרעמד זייא זאלין זיין ווייבער צוא זיינע זיהן. אונ צו יעדער קינד בזונדער ווען ער האט חתונה גימאכט האט ער גימאכט צווייא סעודות. איינע ביי דעם פאטער וואס הייסט תנאים) אונ איינע ביי דעם שווער וואס איז די חתונה: אונ אויף די אלע סעודות הט ער ניט גיבעטין מנוח. ווארום ער האט גזאגט מנוח איז אזוי ווי דער אייזיל וואס הייסט פרדה וואס ער הט ניט קיין קינדער. ווען וועט ער מיך בעטין אויף א סעודה. אונ מיר האבען גילערנט די אלע צוואנציג קינדער זענין גישטארבען ווען אבצן הט נאך גילעבט. דס איז וואס מענטשין זאגין אז דו האסט ביי דיין לעבין גיבארין זעכציג קינדער אונ זייא זענין גישטארבן. וואס האסטו פון דיא זעכציג וואס דו האסט גיבארין. ניי דיך מטריח אונ גיבאהר נאך איין קינד וואס זאל לעבין. וועט ער זיין בעסער וויא די זעכציג גישטארבענע. אונ וואו געפינען מיר אז אבצן האט גינומען איין אנדער ווייב אונ הט גיהאט מיט איר איין זוהן דריבער זאגט רבה בר רב יצחק אז אבצן איז בועז. אונ בועז האט גינומען צו זיין עלטער רות אונ האט מיט איר גיהאט איין זוהן וואס פון אים איז גיבארין גיווארין דוד המלך: רב חנן בר רבא הט גזאגט פון רבס וועגין אלימלך אונ שלמון אונ פלוני אלמוני אונ דער פאטער פון נעמי דיא אלע זענען גיוועזען דיא קינדער פון נחשון בן עמינדב. צו וואס דארפין מיר דאס וויסען. אז אפילו דער וואס הט זכות אבות ווערט אויך גישטראפט אז ער גייט ארויס פון ארץ ישראל אין חוץ לארץ. אזו ווי אלימלך וואס זיין פאטער איז גיוועזען נחשון בן עמינדב. וואס ער איז גיוועזען א גרויסער צדיק. אונ ער איז ארויס גיגאנגען פון ארץ ישראל אין חוץ לארץ איז ער גישטראפט גיווארין אונ איז גישטארבן.

מח ואמר רב חנן בר רבא אמר רב אמיה דאברהם אמתלאי בת כרנבו אמיה דהמן אמתלאי בת עורבתא וסימניך טמא טמא טהור טהור אמיה דדוד נצבת בת עדאל שמה אמיה דשמשון צללפונית ואחתיה נשיק למאי נ"מ לתשובת האפיקורסין. וא"ר חנן בר רבא אמר רב עשר שנין נחבש אברהם אבינו שלשה בכותא ושבעה בקדרות רב דימי מנהרדעא מתני איפכא אמ' רב חסדא עיברא זעירא דכותא זה אור כשדים. וא"ר חנן בר רבא אמר רב אותו היום שנפטר אברהם אבינו מן העולם עמדו כל גדולי הדור בשורה ואמרו אוי לו לעולם שאבד (ע"ב) מנהיגו ואוי לה לספינה שאבדה קברניטה. (ד"ס א כס) והמתנשא לכל לראש א"ר חנן בר רבא אמר רב אפילו ריש גרגותא מן שמיא מוקמי ליה:

מט א"ר חייא בר אבין א"ר יהושע בן קרחה חס ושלום שאפילו מצאו סובין לא יצאו ואלא כפני

אמיה דאברהם. לפי שאמותן של יצחק ושל יעקב הוזכרו צריכים אנו לידע שם אם אברהם ואגב גררא נקט אמיה דהמן לפי שאמותיהן שוות: כרנבו. כרים שאלן טהורים הם והיינו טהור. עורבתא טמא הוא והמן נמי טמא הוא: אמיה דדוד. לפי שכל אמהו' של מלכים כתיב בנביאים הוצרך לפרש גם אם דוד: ואמיה דשמשון. משום דאיירי בה קרא טובא וכתיב נמי לאביו ולאמו לא הגיד הוצרך לפרש שכל דברים הללו שואלין האפיקורסים מ"ט אין אנו יודעים שמו זה: ואחתיה נשיק. כך שמה ואגב גררא דאמו נסבה: לתשובת האפיקורסין. ששואלין לנו כאלו יותר מכמה אמהות כדפרישית טעמא ואנו משיבין להם שמסרו לנו נביאים על פה: נחבש. שחבשו נמרוד ובהגדה דאיתי דתרח אביו חבשו בשביל שהיה מוכר צלמיו: כותא וקדרות. מקומות הם וכ"ז להודיע חיבתו של אברהם אבינו: עיברא זעירא. כך שמו: זה אור כשדים. שהושלך שם אברהם אבינו והרואה צריך לברך ברוך שעשה נסים לאבותינו במקום הזה כדתנן בהרואה: קברניטה. מנהיגה המוליך את הספינה: ריש גרגותא. שר הממונה על הבורות מי ידלה ממנו היום להשקות שדותיו ומי למחר ואפילו קטנה היא ומדכתיב לך ה' הממלכה והמתנשא יליף לה כלומר על ידך המתנשא לכל דבר ואפילו נגרגותא לנשא הוא על פיך:

מח ואמר. נאך האט רב חנן בר רבא געזאגט פון רבס וועגן די מוטער פון אברהם אבינו האט געהייסען אמתלאי בת כרנבו. דיא מוטער פון המן האט געהייסען אמתלאי בת עורבתא. דער סימן איז אטמא גייט צו אטמא. אעורב (אקראה) איז טמא. אונ המן איז אויך געווען טמא. דריבער דיא מוטער פון המ' האט געהייסען עורבתא. אונ אטהור גייט צו אטהור. אשעפס איז טהור אונ אברהם איז געווען טהור. דריבער דיא מוטער פון אברהם האט געהייסען כרנבו. כר איז דער טייטש אשעפס. דיא מוטער פון דוד המלך האט געהייסען נצבת בת עדאל. דיא מוטער פון שמשון האט געהייסען צללפונית. אונ דיא שוועסטער זיינע האט געהייסען נשיק. פרעגט די גמרא צו וואס דארף מען דאס וויסען. ענטפערט דיא גמרא טאמער וועלין דיא אפיקורסים פרעגין אויף די מוטערס ווי זייא האבען געהייסען וועט מען וויסען זייא צו ענטפערין. נאך האט רב חנן בר רבא געזאגט פון רבס וועגין צעהן יאהר איז אברהם אבינו געוועזען געבונדען אין תפיסה (אין געפֿיינגנים). דריי יאהר אין כותא. אונ זיבען יאהר אין קדרות. רב דימי פון נהרדעא האט געלערנט פאר קערט. זיבען יאהר אין כותא אונ דריי יאהר אין קדרות: רב חסדא זאגט דער ארט עיברא זעירא דכותא דס איז אור כשדים: דארט האט מען אריין געווארפען אברהם אבינו אין פייער. אונ ווער עס קומט צוא דעם ארט דארף מאכען אברכה שעשה נסים לאבותינו במקום הזה וגילויבט איז גאט וואס ער האט געטאהן נסים צו אונזערע עלטערין אויף דעם ארטו. נאך האט רב חנן בר רבא געזאגט פון רבס וועגין דעם טאג וואס אברהם אבינו איז געשטארבען. האבען זיך געשטעלט דיא גרעסטע מענטשין פון דעם דור אין אשורה אונ האבען געזאגט וויי צו דער וועלט וואס זיא האט פאר לארין איר פירער. אונ וויי צו די שיף וואס זי האט פארלארין איר שיף קפיטאן. אין פסוק שטייט והמתנשא לכל לראש: ווער עס ווערט דער הויבין צו זיין אעלצטער איז דאס געקומען פון גאט. רב חנן בר רבא זאגט פון רבס וועגין אפילו דער עלצטער פון אברונען. וואס ער הט צוא שאפין ווער עס זאל שעפין האסער היינט אונ ווער זאל שעפין מארגין. אים האט מען אויך געמאכט פאר אעלצטין פון הימעל:

מט רבי חייא בר אבין האט געזאגט פון רבי יהושע בן קרחה וועגין אלימלך אונ נעמי אונ מחלון וכליון אפילו זייא וואלטין נאר געפונען קלייען צו עסין וואלטין זייא ניט ארויס גיגאנגען פון ארץ ישראל. נאר זייא האבען גאר ניט געהאט צו עסין אין ארץ ישראל דריבער ווענין

בזעקך יצילוך קבוציך. ע״י שתלעק לקבץ הנדחים תגלג: אבל מעות ביוקר. בהפקמטיה זלה מאד יולאין כמדפרס סעגיה נקמים: נהירנא. זכורני: מדלית איסר. לקנות בו לחם: מריח פתא מייתין. פרות מערבית מנשבת ומביאה ריח הפת פסות טוב מאד (כדלקמן) למזרח העיר ומייתין מתוך ניח טוב מרובה כן גואה בעיני ויש לפרש מתוך האוה רעבון:

מטייליס. משחקים: טליא וטליתא. נער ונערה: דמודי להון. לעכו״ס מתרלה לפס במה שאומרים נפל בידיהם אותו כל דבריהם יסתור: דמתרהיץ. בוטח. שע״י שמגלה להם לוקחים כל מה שיודעים מפלו כדכתיב בהזקיה ויראם את בית נכתה וגומר:

מפני מה נענשו שהיה להם לבקש רחמים על דורם ולא בקשו שנאמר (ישעיה נז) בזעקך יצילוך קבוציך. אמר רבה בר בר חנה אמר ר׳ יוחנן לא שנו אלא מעות בזול ופירות ביוקר אבל מעות ביוקר אפילו עמדו ארבעה סאין בסלע יוצאין דאמר רבי יוחנן נהירנא כד הוו קיימין ארבעה סאין בסלע והוו נפישי נפיחי כפן בטבריא מדלית איסר וא״ר יוחנן נהירנא כד לא הוו מתגרין פועליא למדנח קרתא מריח פתא מייתין. וא״ר יוחנן נהירנא כד הוה בצע ינוקא חרובא והוה נגיד חוטא דדובשא על תרין דרעוהי. ואמר רבי אלעזר נהירנא כד הוה נטיל עורבא בשרא ונגיד הוטא דמשחא מריש שורא ועד לארעא. ואמר ר׳ יוחנן נהירנא כד הוו מטיילין טליא וטליתא בשוקא כבר שית עשרה וכבר שבע עשרה ולא הוו חטאין. וא״ר יוחנן נהירנא כד הוו אמרין בי מדרשא דמודי להון נפל בידיהון דמתרהיץ עליהון דיליה דילהון:

כתיב (רות א) מחלון וכליון וכתיב (ד״ה א ד) ויואש ושרף רב ושמואל ח״א מחלון וכליון שמם

זייא גיגאנגען אין חוץ לארץ. אונ אז זיי האבען גימוזט ארויס גיין פון ארץ ישראל פאר וואס זענין זייא גישטראפט גיווארין. ווייל זייא האבען גידארפט מתפלל זיין אויף זייער דור עס זאל ניט זיין קיין הונגער. אונ זיי האבען ניט גיבעטין. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק בזעקך יצילוך קבוציך. אז דוא וועסט שרייען צו גאט ער זאל פאר זאמלען די פאר שטויסענע. וועסטו אויך גירעטעט ווערין. אונ אז אליכלך וואלט מתפלל גיוועזן פאר יודינס וועגין. וואלט ער אויך גיהאלפען גיווארין. רבה בר בר חנה האט גזאגט פון רבי יוחנן׳ס וועגין אז געלט איז וואלוויל (מענטשין האבען פיל געלט) נאר תבואה איז טייער. מוז מען וואוהנען אין ארץ ישראל. אבער אז געלט איז טייער ומענטשין האבען ניט קיין געלט) אפילו תבואה איז וואלוויל עס איז פיר סאה פאר אטאלער. מעג מען ארויס גיין פון ארץ ישראל אין חוץ לארץ. ווארום רבי יוחנן האט גזאגט איך גידינק עס איז אמאהל גיוועזן פיר סאה תבואה פאר אטאלער אונ עס איז גיוועזן פיל מענטשין וואס זענין גיוועזן גישוואלין פון הונגער אין טבריא ווייל עס איז קיין געלט ניט גיוועזן מיט וואס צו קויפען עסין. נאך האט רבי יוחנן גזאגט איך גידיינק אז ארבעטער פלעגין ניט וועלין זיך פאר דינגען צו ארבעטין אין מזרח זייט פון שטאט. ווייל דער מערב ווינט פלעגט אויף זייא בלאזין אונ פלעגט ברייניגען צו זייא דעם ריח פון דיא ברויט. אונ ווייל דער ריח איז גיוועזן צווא גוט אונ צווא פיל פלעגין זייא שטארבין פון דעם גוטען ריח. נאך האט רבי יוחנן גזאגט איך גידיינק אז אקינד פלעגט אויף ברעכין אבאקס פלעגט זיך ציהען אפאדים האניק אויף זיינע ביידע הענט. אונ רבי אלעזר האט גזאגט איך גידיינק אז אקראה פלעגט חאפען אשטיקול פלייש אונ ארויף פליהען אויף דעם דאך פלעגט זיך ציהען אפאדים פעטס פון שפיץ מאהער ביז אויף דיא ערד. נאך האט רבי יוחנן גזאגט איך גידיינק אז עס פלעגין זיך שפילען אין גאס איונגעל מיט אמיידעל וואס זייא זענין שוין אלט גיוועזן צו זעכצעהן אדער זיבעצעהן יאהר. אונ זייא פלעגין ניט זינדיגען. נאך האט רבי יוחנן גזאגט איך גידיינק אז מען פלעגט זאגין אין בית המדרש. דער וואס איז מודה צוא דיא אפקורסים. וועט ער אריין פאלען אין זייערע הענט. אונ דער וואס פאר זיכערט זיך אויף זייא. איז זיין פאר מעגין זייערער. זייא וועלין אלץ ביי אים צו נעמען:

כתיב. אמאהל רופט זייא דער פסוק מחלון וכליון. אונ אמאהל רופט זייא דער פסוק יואש ושרף; רב אונ שמואל קריגען. איינער זאגט זייער נאמען איז גיוועזן מחלון אונ כליון.

שמם ולמה נקרא שמם יואש ושרף יואש שנתיאשו מן הגאולה שרף שנ תחייבו שריפה למקום. וחד אמר יואש ושרף שמם ולמה נקרא שמם מחלון וכליון מחלון שעשו גופם חולין כליון שנתחייבו כליה למקום. תניא כמ"ד מחלון וכליון שמם דתניא מ"ד (שם) ויוקים ואנשי כוזבא ויואש ושרף אשר בעלו למואב וישבי לחם והדברים עתיקים. יוקים זה יהושע שהקים שבועה לאנשי גבעון ואנשי כוזבא אלו אנשי גבעון שכזבו ביהושע ויואש ושרף אלו מחלון וכליון ולמה נקרא שמם יואש ושרף יואש שנתיאשו מן הגאולה שרף שנתחייבו שריפה למקום. אשר בעלו למואב אשר נשאו נשים מואביות. וישבי לחם זו רות המואביה ששבה ונדבקה בבית לחם יהודה. והדברים עתיקים דברים הללו עתיק יומיא אמרן דכתיב (תהלים פט) מצאתי דוד עבדי וכתיב (בראשית יט) שתי בנותיך הנמצאות (ד"ה ד ס) המה היוצרים ויושבי נטעים וגדרה עם המלך במלאכתו ישבו שם. המה היוצרים אלו

יואש ושרף: בדברי הימים: שנתחייבו כליה. על שיצאו מא"י: חולין. ח"ל אדמה טמאה היא: מ"ד ויוקים ואנשי כוזבא וגו'. בני יהודה קא חשיב ואזיל בדה"י ואיכא למימר דכל הני דקא חשיב משבט יהודה היו מצד האב או מצד האם: זה יהושע. ושמא אמו מיהודה כדכתיב איש יהודי אמו מיהודה: ואנשי כוזבא. ה"ק מי שהקים שבועה לאנשי כוזבא דהיינו יהושע אבל אנשי כוזבא לאו משבט יהודה הם שהרי כנענים היו שכזבו ביהושע: אלו מחלון וכליון. שהיו משבט יהודה בני אלימלך בן נחשון: שנתייאשו מן הגאולה. שיגאלם הקב"ה מהרעב דכתיב כי פקד ה' את עמו לתת להם לחם סבורים היו שלא יפקדם: זו רות המואביה. שנקראת על שבט יהודה כלומר בניה שיצאו ממנה: דברים הללו. שיצאו מחלון וכליון לח"ל וע"י כן באה רות ונשאת לבועז ונולדו מלכי בית דוד: עתיק יומיא אמרן.

און פאַר וואָס רופט מען זייא יוֹאָשׁ און שָׂרָף. יוֹאָשׁ האָט מען זייא גירופען ווייל זייא האָבען זיך מְיַאֵשׁ גיוועזען פון דער גְאוּלָה. זיי האָבען גימיינט אַז דער הונגער וועט אייביג זיין און גאָט וועט זיי שוין קיין מאָהל ניט העלפין. שָׂרָף האָט מען זייא גירופען ווייל זייא זענען פאַר שולדיגט גיוואָרין צו גאָט מען זאָל זייא פאַר ברענען. און איינער זאָגט זייער נאָמען איז גיוועזן יוֹאָשׁ און שָׂרָף. און פאַר וואָס רופט מען זייא מַחְלוֹן וְכִלְיוֹן. מַחְלוֹן האָט מען זייא גירופען ווייל זייא האָבען גימאַכט זייער גוף חוּלִין און טָמֵא וואָס זייא האָבען גינומען גוישע ווייבער וואָרום עָרְפָּה האָט זיך ניט מְגַיֵּיר גיוועזען. און רוּת האָט זיך מְגַיֵּיר גיוועזען דער נאָך ווייא איר מאַן איז גישטאָרבען. ועיין מהרש"א) און כִּלְיוֹן האָט מען זייא גירופען ווייל זייא זענין פאַר שולדיגט גיוואָרין צו גאָט מען זאָל זיי פאַר לענדין. זאָגט דיא גְמָרָא מיר האָבען גילערנט וויא דער וואָס זאָגט אז זייער נאָמען איז גיוועזען מַחְלוֹן און כִּלְיוֹן. וואָרום מיר האָבען גילערנט עס שטייט אין פָּסוּק יוֹקִים און אַנְשֵׁי כוֹזֵבָא און יוֹאָשׁ און שָׂרָף אֲשֶׁר בָּעֲלוּ לְמוֹאָב וְיָשֻׁבִי לָחֶם וְהַדְּבָרִים עַתִּיקִים. יוֹקִים מיינט מען יְהוֹשֻׁעַ. וואָס ער האָט מְקַיֵּים גיוועזען דיא שְׁבוּעָה וואָס ער האָט גישוואָרין צו דיא מענטשין פון גִבְעוֹן. אַנְשֵׁי כוֹזֵבָא מיינט מען דיא מענטשין פון גִבְעוֹן וואָס זייא האָבען גילייקענט און גינאַרט יְהוֹשֻׁעַ. יוֹאָשׁ און שָׂרָף דאָס איז מַחְלוֹן און כִּלְיוֹן. און פאַר וואָס רופט מען זייא יוֹאָשׁ און שָׂרָף: יוֹאָשׁ רופט מען זייא ווייל זיי האָבען זיך מְיַאֵשׁ גיוועזען פון דער גְאוּלָה. זייא האָבען גימיינט אַז דער הונגער וועט אייביג זיין. און גאָט וועט זיי שוין קיין מאָהל ניט העלפין. שָׂרָף האָט מען זייא גירופען ווייל זיי זענען פאַר שולדיגט גיוואָרין צוא גאָט מען זאָל זייא פאַר ברענען. אֲשֶׁר בָּעֲלוּ לְמוֹאָב. וואָס זייא זענען גיוואָרין מאַנען צו דיא ווייבער פון מוֹאָב. וְיָשֻׁבִי לָחֶם. דאָס מיינט מען רוּת הַמּוֹאֲבִיָּה וואָס זיא האָט זיך צוריק גיקערט פון מוֹאָב און האָט זיך בַּהֶעפְט אין בֵּית לֶחֶם יְהוּדָה. וְהַדְּבָרִים עַתִּיקִים. דיא זאַכען האָט גיזאָגט גאָט וואָס ער איז שוין אַלט אין טעג: אַזוֹ וויא עס שטייט אין פָּסוּק גאָט האָט גיזאָגט איך האָב געפונען מיין קְנֶעכְט דָוִד. וואו האָב איך אים געפונען אין סְדוֹם. אַזוֹ וויא עס שטייט אין פָּסוּק ביי לוֹט דיינע צוויי טעכטער וואָס זענען גיפונען גיוואָרין. פון דיא טעכטער פון לוֹט זענין גיבאָרין גיוואָרין דיא צוויי פעלקער עַמּוֹן און מוֹאָב. און פון רוּת וואָס זיא איז גיוועזען פון מוֹאָב איז גיבאָרין גיוואָרין דָוִד הַמֶּלֶךְ. אין פָּסוּק שטייט הֵמָּה הַיּוֹצְרִים וְיוֹשְׁבֵי נְטָעִים וּגְדֵרָה עִם הַמֶּלֶךְ בִּמְלַאכְתּוֹ יָשְׁבוּ שָׁם. הֵמָּה הַיּוֹצְרִים. דיא יוֹצְרִים מיינט מען דיא קינדער פון יוֹנָדָב בֶּן רֵכָב וואָס

אלו בני יונדב בן רכב שנצרו שבועת אביהם. יושבי נטעים זה שלמה שדומה לנטיעה במלכותו. וגדרה זו סנהדרין שגדרו פרצותיהן של ישראל. עם המלך במלאכתו ישבו שם זו רות המואביה שראתה מלכות שלמה בן בנו של בן בנה שנאמר (מ"א ב) וישם כסא לאם המלך וא"ר אלעזר לאמה של מלכות:

נא ת"ר (ויקרא כה) ואכלתם מן התבואה ישן בלא סלמנטון מאי בלא סלמנטון רב נחמן אמר בלא רצינאתא ורב ששת אמר בלא שדיפא. תניא כותיה דר"נ ואכלתם מן התבואה ישן יכול יהו ישראל מצפין לחדש מפני ישן (שיכלה) [שכלה] ת"ל עד בוא תבואתה עד שתבא תבואתה מאליה. תניא כותיה דרב ששת ואכלתם מן התבואה ישן יכול יהו ישראל מצפין לחדש מפני שישן רע ת"ל עד בוא

אלו יצאו כבושים: שבועת אביהם. שלא לשתות יין ולא לבנות בתים כדכתיב בירמיה: לנטיעה. בלוך וגדל כדכתיב על כסא ה' למלך: שגדרו פרצותיהם. לעשות תקנות וסייג לתורה: ה"ג במלכותו של שלמה בן בנו של בן בנה. כלומר שלמה בן דוד שהוא בנו של ישי שהוא בן עובד בנה: לאמה של מלכות. שראתה ממנה כל המלכים:

בלא סלמנטון. דסלמנטון אין מניח לייחן התבואה **אלא** מרקיבה: רצינאתא. תולעת המרקיב את התבואה: שדיפא. מתחממת התבואה ואין יכולה להתקיים: מצפין לחדש כו'. דה"ק קרא ואכלתם מן התבואה ישן עד קרוב לימות הקציר ולא עד בכלל: שכלה. היינו ע"י רצינאתא שמרקיבה ומכלה אותה: עד שתבא מאליה. שתהא בשל התבואה יפה ולא היו צריכין להקדים קציר ולעשות קליות: **שישן** רע. היינו שדיפה אבל בלס הוא הגרעין

זייא האבען געהיט דיא שבועה פון זייער פאטער ויוצרים טייטשט מען פון לשון נוצר. היטען זיי זאלין ניט טרינקען וויין און זאלין ניט באהען הייזער. יושבי נטעים. זייא זיצען איין געפלאנצט. דאס איז שלמה המלך. וואס ער איז געוועזען אין זיין קעניגרייך אזוי וויא אפלאנצונג. אזוי וויא איונגער צווייג וואס וואקסט אלע טאג גרעסער. אזוי איז דיא מלוכה פון שלמה אלע טאג גרעסער געווארין. וגדרה: דיא פאר צאמונג. דס מיינט מען די סנהדרין וואס זייא פר צאמען מיט זייערע גזרות און תקנות דיא יודין זאלין ניט אויס ברעכין די היטונג פון תורה און מצות: עם המלך במלאכתו ישבו שם. זייא זענין דארט געזעסין מיט דעם מלך אין זיין מלאכה. דאס מיינט מען רות המואביה וואס זי האט געזעהן די מלוכה פון שלמה. שלמה איז געוועזן דער זון פון דוד. דוד איז געוועזן דר זוהן פון ישי. ישי איז געוועזן דער זון פון עובד. עובד איז געוועזן דער זון פון רות. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק וישם כסא לאם המלך. שלמה האט געטאהן געשטעלט אשטוהל צו דיא מוטער פון מלך. האט געדארפט שטיין ער האט געשטעלט אשטוהל צו זיין מוטער. האט רבי אלעזר גזאגט דס איז ניט געוועזן זיין מוטער. דס איז געוועזן זיין עלטער עלטער באבע. רות המואביה. וואס זיא איז די מוטער פון דם יודישע מלוכה:

נא תנו רבנן. דיא רבנן האבען געלערנט עס שטייט אין פסוק איר וועט עסין דיא אלטע תבואה. עס וועט ניט זיין אין דיא תבואה סלמנטון. וואס איז סלמנטון. רב נחמן זאגט עס וועט ניט זיין אין דיא תבואה קיין ווערעם וואס זיי פר פוילען דיא תבואה. און רב ששת זאגט עס וועט ניט זיין קיין דער היצונג אין דיא תבואה. ווארום אז דיא תבואה ווערט דער היצט ווערט זיא קאלייע ליגענדיג און ווערט ניט אלט: מיר האבען גילערונט אזוי ווי רב ששת. און מיר האבען גילערונט אזוי ווי רב נחמן. מיר האבען גילערונט אזוי וויא רב נחמן. עס שטייט אין פסוק איר וועט עסין פון דיא אלטע תבואה. איך וואלט מיינען דיא יודין וועלין ווארטען ווען וועט שוין קומען דיא נייע תבואה. ווייל דיא אלטע תבואה וועט ניט זיין. זיא וועט פאר פוילט ווערין פון דיא ווערים וואס אין איר וועט זיין. דריבער וועט מען שניידין דיא תבואה פאר דער צייט. דריבער שטייט אין פסוק עד בוא תבואתה: מען וועט אזוי לאנג עסין דיא אלטע תבואה. ביז דיא נייע תבואה וועט קומען פון זיך אליין. אבער מען וועט גאר ניט ווארטען אויף דיא נייע תבואה. ווארום דיא אלטע תבואה וועט נאך זיין גענוג צוא עסין פון איר. דריבער וועט מען שניידין דיא נייע תבואה אז זיא וועט שוין גוט צייטיג זיין. און מען וועט איר שוין מוזין אפ שניידין. און מיר האבען גילערונט אזוי וויא רב ששת. עס שטייט אין פסוק איר וועט עסין פון דיא אלטע תבואה. איך וואלט מיינען דיא יודין וועלין ווארטען ווען וועט שוין קומען

בוא תבואתה עד שתבא מאליה. ת"ר ואכלתם ישן נושן מלמד שכל המיושן מחברו הוא מעולה מחברו ואין לי אלא דברים שדרכן לישנן אבל דברים שאין דרכן לישנן מנין ת"ל ישן נושן מ"מ. וישן מפני חדש תוציאו מלמד שהיו אוצרות מלאים ישן וגרנות מלאים חדש והיו ישראל אומרים היאך נוציא זה מפני זה א"ר פפא כל מילי מעלי עתיקא לבר מתמרי ושיכרי והרסנא:

אלא שמתעצמת. ס"ג ואכלתם ישן מלמד שכל המיושן כו' דמשמע הישן יאכלו ויניחו החדש להתיישן: דרכן ליישן. חטה ויין: אין דרכן ליישן. כגון מיני פירות שמרקיבין: ת"ל ישן נושן מ"מ. שינה הכתוב להודיע שבח ארץ ישראל שאפילו אותן שאין דרכן ליישן יתיישנו ויתקיימו: היאך נוציא כו'. דהכי משמע וישן מפני חדש תוציאו בעל כרחכם שלא יהיה לכם מקום להכניס החדש ואע"פ שהישן מעלי טפי יוציאוהו מפני החדש שהחדש ראוי להתיישן טפי מן הישן שכבר נתיישן: עתיקא. ישן: הרסנא. דגים קטנים: דמי בושתו. שזימן אורחים ואין לו מה יאכילם וכ"ש

המוכר פירות פרק ששי

(דף צ ע"ב) **א היה** רשב"ג אומר מנהג גדול היה בירושלים המוסר סעודה לחבירו וקלקלה נותן לו דמי בושתו ודמי בושת אורחיו. עוד מנהג גדול היה בירושלים מפה פרוסה על גב הפתח כל זמן שהמפה פרוסה אורחין

דִּיא נַייֶע תְּבוּאָה. וַוייל דִּיא אַלְטֶע תְּבוּאָה וֶועט זַיין שְׁלֶעכְט. זַייא וֶועלִין דֶער הִיצְט וֶוערִין אוּנ דִּי קֶערְנֶער וֶועלִין קַאלְיֶיע וֶוערִין. דְּרִיבֶּער וֶועט מֶען שְׁנַיידִין דִּיא נַייֶע תְּבוּאָה פַאר דֶער צַייט. דְּרִיבֶּער שְׁטֵייט אִין פָּסוּק עַד בּוֹא תְּבוּאָתָהּ. מֶען וֶועט אַזוֹי לַאנְג עֶסִין דִּי אַלְטֶע תְּבוּאָה. בִּיז דִּיא נַייֶע תְּבוּאָה וֶועט קוּמֶען פוּן זִיךְ אַלֵיין. אָבֶּער מֶען וֶועט נָאר נִיט וַוארְטֶען אוֹיף דִּיא נַייֶע תְּבוּאָה. וָוארוּם דִּיא אַלְטֶע תְּבוּאָה וֶועט זַיין גוּט צוּא עֶסִין פוּן אִיר. דְּרִיבֶּער וֶועט מֶען שְׁנַיידִין דִּיא נַייֶע תְּבוּאָה אַז זִיא וֶועט שׁוֹין גוּט צַייטִיג זַיין. אוּנ מֶען וֶועט אִיר שׁוֹין מוּזִין אָפּ שְׁנַיידִין. דִּיא רַבָּנָן הָאבֶּען גִּילֶערוּנְט עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק וַאֲכַלְתֶּם יָשָׁן. אִיר וֶועט עֶסִין אַלְטֶע תְּבוּאָה. אִיר וֶועט בֶּעסֶער וֶועלִין עֶסִין דִּיא אַלְטֶע תְּבוּאָה וִויא דִּיא נַייֶע תְּבוּאָה. דֶער פָּסוּק לֶערוּנְט אוּנְז וָואס עֶלְטֶער דִּיא תְּבוּאָה וֶועט זַיין. בֶּעסֶער וֶועט זִיא זַיין. טָאמֶער וֶועט נָאר גוּט זַיין אַלְטֶע. אַזֶעלְכֶע זַאכֶען וָואס דֶער שְׁטֵייגֶער אִיז מֶען זָאל זַייא אַוֶועק שְׁטֶעלִין אַלְט צוּ וֶוערִין וְקָארִין וְווייץ וַויין) אָבֶּער אַזֶעלְכֶע זַאכֶען וָואס עֶס אִיז נִיט דֶער שְׁטֵייגֶער מֶען זָאל זַייא אַוֶועק שְׁטֶעלִין אַלְט צוּ וֶוערִין. לְמָשָׁל פְּרוּכְטִין. וָואס זַייא וֶוערִין פַאר פוֹילְט פוּן וַואנֶען וַוייסֶען מִיר אַז זַייא וֶועלִין נִיט פַאר פוֹילְט וֶוערִין אוּנ זַייא וֶועלִין נָאךְ בֶּעסֶער זַיין אַלְטֶע וִוי נַייֶע. שְׁטֵייט אִין פָּסוּק יָשָׁן נוֹשָׁן. וָואס מֶען וֶועט נָאר אַוֶועק שְׁטֶעלִין אַלְט צוּ וֶוערִין. וֶועט דָאס בְּלַייבֶּען גַאנְץ אוּנ עֶס וֶועט נָאךְ זַיין בֶּעסֶער וִויא נַייֶע. אִין פָּסוּק שְׁטֵייט וְיָשָׁן מִפְּנֵי חָדָשׁ תּוֹצִיאוּ. דֶער פָּסוּק לֶערוּנְט אוּנְז אַז דִּיא שְׁפַּייכְלֶערְס וֶועלִין זַיין פוֹל מִיט אַלְטֶע תְּבוּאָה. אוּנ דִּיא שַׁייֶערִין וֶועלִין זַיין פוֹל מִיט נַייֶע תְּבוּאָה. וֶועלִין דִּיא יוּדִין זָאגִין וִויא אַזוֹי וֶועלִין מִיר אוֹיס צִיהֶען דִּיא אַלְטֶע תְּבוּאָה אַרַיין צוּא לֵייגֶען דִּיא נַייֶע תְּבוּאָה. רַב פַּפָּא זָאגְט אַלֶע עֶסִין וַוארְג אַלְטֶע זֶענֶען גוּט. אוֹיסֶער אַלְטֶע טֵייטְלֶען אוּנ בִּיר וָואס אִיז גִימַאכְט פוּן טֵייטְלֶען אוּנ קְלֵיינֶע פִישְׁלַאךְ. דִּי דְרַייא זַאכֶען זֶענִין נִיט גוּט אַלְטֶע:

פרק ששי

א הָיָה. רַבָּן שִׁמְעוֹן בֶּן גַּמְלִיאֵל פְּלֶעגְט זָאגִין אַגְרוֹיסֶער מִנְהָג אִיז גִיוֶוען אִין יְרוּשָׁלַיִם. אַז אֵיינֶער הָאט גִיגֶעבִּין שְׁפַּייזִין צוּ אַסַארוֶוער עֶר זָאל אָן גְרֵייטִין אַסְעוּדָה. אוּנ דֶער סַארוֶוער הָאט קַאלְיֶיע גִימַאכְט דִּיא סְעוּדָה. מֶען קֶען נִיט עֶסִין דִּיא שְׁפַּייזִין. דַארְף דֶער סַארוֶוער בַּצָאהלִין דֶעם בַּעַל הַבַּיִת פַאר זַיין שַׁאנְדֶע. אוּנ פַאר דִי שַׁאנְדֶע פוּן דִּיא גֶעסְט. וָוארוּם דֶער בַּעַל הַבַּיִת מִיט דִּיא גֶעסְט זֶענֶען פַארְשֶׁעמְט גִיוָוארִין. אוּנ פַאר דֶעם עֶסִין וָואס עֶר הָאט קַאלְיֶיע גִימַאכְט דַארְף עֶר גֶעוִוים בַּצָאהלִין: נָאךְ אַגְרוֹיסֶער מִנְהָג אִיז גִיוֶוען אִין יְרוּשָׁלַיִם. אַז אֵיינֶער הָאט גִימַאכְט

אורחין נכנסין נסתלקה המפה אין האורחין נכנסין :

(דף לז) **ב אמר** רב זוטרא בר טוביה אמר רב אין אומרים קדוש היום אלא על היין הראוי לנסך על גבי המזבח. למעוטי מאי אילימא למעוטי יין מגיתו וכו' (ע"ב) אי למעוטי מגולה סכנה הוא וכו' אי בעית אימא לעולם למעוטי מגולה ואף על גב דעבריה במסננת כרבי נחמיה אפ"ה (מלאכי ג) הקריבהו נא לפחתך הירצך או הישא פניך בעא מיניה רב כהנא המוה דרב משרשיא מרבא חמר חורין מהו א"ל (משלי כג) אל תרא יין כי יתאדם :

(דף לח) **ג אמר** רב חייא בר יוסף חמרא מזלא דמריה גרים שנאמר (חבקוק ב) ואף כי היין בוגד

יאיאס דהסריה ממונא : אורחין נכנסין . ותקנה טובה היא לקבלת אורחין שידעו כי שם יאכלו וילכו שם לאכול :
כגון דעבריה : מסננת. דמותר בשתי' דאיצטריך למימר דלקדוש פסול כרבי נחמיה דאמר אדם נחש לף במקומו ועומד וי"ל לו תקנה בסינון כמס' סוכה בלסי פ"ד : הקריבהו נא . גבי הולה כתיב אלמא כל דבר מגונה אסור לקרבן : חמר חורין מהו . לנסכים וי"מ לקידוש ולא נסירא : אל תרא יין . לשתותו : כי יתאדם . שמשתכר יותר מדאי אלמא יין אדום קודם לנסכים דשכר כתיב בהו :
מזלא דמריה (בסוגיא של מעלה זוכר דין המוכר יין לחבירו והחמיץ אם האחריות על המוכר או על הלוקח ואגב הביאו מאמר רבי חייא ופירש רשב"ם) דלאו קנקנים דמוכר גרמו אלא מזליה דלוקח שהיא בעליו של יין גרים : שנאמר ואף כי היין בוגד. כאדם למה משום דגבר יהיר כו' גסותו של אדם שמגים דעתו בדבר שאין בו גורם שהיין

אַסְעוּדָה. הָאט עֶר אויף גִיהָאנְגֶען אַטִישְׁטוּךְ אויף דִיא טִיר. אַזוֹי לַאנְג וויא דֶער טִישְׁטוּךְ אִיז גִיהָאנְגֶען הָאבִּין דִיא גֶעסְט גִימֶעגְט אַרַיין גֵיין. אַז דֶער טִישְׁטוּךְ אִיז אַרָאפּ גִינוּמֶען גִיוָוארִין הָאבִּין שׁוֹין דִיא גֶעסְט נִיט גִידַארְפְט אַרַיין גֵיין. וַוייל עֶס אִיז שׁוֹין גִיוֶועזֶען נָאךְ דֶער סְעוּדָה:

ב אָמַר. רַב זוּטְרָא בַּר טוֹבִיָה הָאט גִיזָאגְט פוּן רַבס וֶועגִין מֶען טָאר נִיט זָאגִין קִידוּשׁ נָאר אויף אַזֶעלכֶע וויין וָואס מֶען מֶעג גִיסֶען אויף דֶעם מִזְבֵּחַ. פְרֶעגְט דִיא גְמָרָא וֶועלכֶע וויין ווִיל רַב זוּטְרָא זָאגִין אַז מֶען טָאר נִיט מַאכִין אויף אִיהר קִידוּשׁ. מִיר זָאלִין זָאגִין אַז עֶר מֵיינְט וויין וָואס אִיז גִישֶׁעפְּט גִיוָוארִין פוּן קֶעלְטֶער טָאר מֶען נִיט מַאכִין אויף דִיא וויין קִידוּשׁ. מִיר הָאבִּין דָאךְ גִילֶערוּנְט אַז מֶען מֶעג יָא מַאכִין קִידוּשׁ אויף דֶעם וויין פוּן קֶעלְטֶער. אוּנ אוֹיבּ רַב זוּטְרָא מֵיינְט וויין וָואס אִיז גִיוֶועזֶען אָפּ גִידֶעקְט טָאר מֶען נִיט מַאכִין אויף אִיהר קִידוּשׁ. דִיא וויין טָאר מֶען דָאךְ גָאר נִיט טְרִינְקֶען. וַוייל עֶס אִיז אַסַכָּנָה טָאמֶער הָאט פוּן זַייא גִיטְרוּנְקֶען אַשְׁלַאנְג. עֶנְטְפֶערְט דִיא גְמָרָא אַז דוּא ווִילְסְט וֶועל אִיךְ דִיר זָאגִין רַב זוּטְרָא מֵיינְט טַאקִי דִיא וויין וָואס אִיז גִיוֶועזֶען אָפּ גִידֶעקְט: נָאר אֲפִילוּ מֶען הָאט דִיא וויין גִיזַייט. אוּנ אַזוֹי וויא רַבִּי נְחֶמְיָה זָאגְט אַז אַשְׁלַאנְג טְרִינְקְט שְׁווִימְט דֶער גִיפְט פוּן שְׁלַאנְג פוּן הוֹיבִּין. אוּנ אַז מֶען זַייט בְּלַייבְּט דֶער גִיפְט אִין דִיא טוּךְ. אוּנ דִיא מַשְׁקֶה מֶעג מֶען שׁוֹין טְרִינְקֶען. פוּן דֶעסְטְווֶעגִין טָאר מֶען נִיט מַאכִין קִידוּשׁ אויף דִיא וויין. וַוייל מֶען טָאר זַייא נִיט גִיסֶען אויף דֶעם מִזְבֵּחַ. אַזוֹי וויא עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק אַקְרַאנְקֶע בְּהֵמָה אָדֶער אַבְּהֵמָה וָואס הָאט אַפֶּעלֶער טָאר מֶען נִיט מַקְרִיב זַיין אַקָרְבָּן. וַוייל אַז דוּא וֶועסְט גֶעבִּין אַזֶעלכֶע בְּהֵמוֹת פַאר דַיינֶעם אַשְׂרָרָה. וֶועט עֶר דֶען דָאס וֶועלִין צוּא נֶעמִין פוּן דִיר. אָדֶער וֶועט עֶר גָאר וֶועלִין קוּקֶען אויף דִיר. זֶעהְן מִיר דָאךְ אַז אַמִיאוּסֶע זַאךְ טָאר מֶען שׁוֹין נִיט מַקְרִיב זַיין פַאר אַקָרְבָּן. אוּנ דִיא וויין וָואס אַשְׁלַאנְג הָאט גִיטְרוּנְקֶען פוּן אִיהר אִיז אוֹיךְ מִיאוּס. טָאר מֶען דָאס נִיט גִיסֶען אויף דֶעם מִזְבֵּחַ אוּנ מֶען טָאר נִיט מַאכִין אויף דֶעם וויין קִידוּשׁ. רַב כַּהֲנָא דֶער שְׁוֶוער פוּן רַב מְשַׁרְשְׁיָא הָאט גִיפְרֶעגְט בַּייא רָבָא ווַייסֶע וויין מֶעג מֶען גִיסֶען אויף דֶעם מִזְבֵּחַ אָדֶער נֵיין: הָאט רָבָא גִיזָאגְט עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק עֶס זָאל דִיר נִיט גִיפֶעלִין דִיא וויין וָואס עֶר אִיז רוֹיט דוּא זָאלְסְט טְרִינְקֶען אוּנ שִׁכּוֹר וֶוערִין פוּן אִיהם. זֶעהְן מִיר אַז פוּן רוֹיטֶע וויין וֶוערְט מֶען בֶּעסֶער שִׁיכּוֹר וויא פוּן ווַייסֶע וויין. אוּנ אִין פָּסוּק שְׁטֵייט נֶסֶךְ שֵׁכָר. מֶען זָאל גִיסֶען אַזֶעלכֶע וויין וָואס מֶען וֶוערְט פוּן אִיהר שִׁיכּוֹר: דַארְף מֶען גִיסֶען רוֹיטֶע וויין נִיט ווַייסֶע וויין:

ג אָמַר. רַב חִיָּיא בַּר יוֹסֵף הָאט גִיזָאגְט וויין גִיהֶער צוּם מַזָל פוּן בַּעַל הַבַּיִת. עֶס קֶען זַיין אַז דִיא וויין וָואלְט גִיוֶועזֶען לְמָשָׁל בַּייא רְאוּבֵן וָואלְט זִיא נִיט זוֹיֶער גִיוָוארִין אוּנ אַז זִיא אִיז בַּייא שִׁמְעוֹן וֶוערְט זִיא יָא זוֹיֶער. וַוייל דֶער מַזָל פוּן רְאוּבֵן אִיז בֶּעסֶער וויא דֶער מַזָל פוּן שִׁמְעוֹן.

בונד גבר יהיר ולא ינוה. אמר רב מרי האי מאן דיהיר אפילו אאינשי ביתיה לא מתקבל דכתיב גבר יהיר ולא ינוה מאי לא ינוה לא ינוה בנוה שלו. אמר רב יהודה אמר רב כל המתגאה בטלית של ת"ח ואינו ת"ח אין מכניסין אותו במחיצתו של הקב"ה כתיב הכא לא ינוה וכתיב התם (שמות טו) אל נוה קדשך:

(ע"ב) **ד כתוב** בספר בן סירא הכל שקלתי בכף מאזנים ולא מצאתי קל מסובין וקל מסובין חתן הדר בבית חמיו וקל מחתן אורח מכניס אורח וקל מאורח משיב דבר בטרם ישמע שנא' (משלי יח) משיב דבר בטרם ישמע אולת היא לו וכלמה:

ה רבי חנינא נפק לקרייתא רמו ליה קראי אהדדי כתיב (מ"א ו) והבית אשר בנה המלך שלמה לה ששים אמה ארכו ועשרים אמה רחבו ושלשים אמה קומתו וכתיב (שם) ולפני הדביר עשרים אמה אורך ועשרים אמה רוחב ועשרים אמה קומתו. אמר

בונד בו דסבורים שהוא יין ונמצא חומץ מדה כנגד מדה: אאינשי ביתיה. אאשתו: לא מתקבל: שמבזה אותו: כל המתגאה בטלית של ת"ח. דעביד כמ"ד בהזקת הבתים טלית של ת"ח כיצד כל שאין חלוקו נראית מתחתיו טפח ול"יעשה יתירא הוא ובסות נוה למי שאינו ת"ח: קל מסובין. לאו דוקא אלא דבר גרוע ולהכי נקט סובין ולא נקט מידי דפסולת היא: אורח מכניס אורח. דיו אם מכניס אותו בעה"ב:

רמו ליה. בני העיירות קראי אהדדי: כתיב ששים אמה ארכו. מן המזרח למערב מן פתח ההיכל עד כותל מערבי של בית קדשי הקדשים דהיינו מ' אמה דאורך ההיכל וכ' אמה דבית קה"ק ול' אמה קומתו נמצא בגג בית קה"ק רומו ל' אמה: וכתיב. בספר המלכים: עשרים אמה קומתו דכתיב ולפני

אזו וויא עס שטייט אין פסוק אז דער ווין פעלשט. ער ווערט זויער. ווייל דער מענטש דער בעל הבית איז גרויס ביי זיך. רב מרי זאגט דער וואס איז גרויס ביי זיך. ווערט ער נישט אן גינומען אפילו אויף זיינע שטוב מענטשין. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק גבר יהיר. דער מענטש וואס איז גרויס ביי זיך. ולא ינוה. וועט ער ניט וואוהנען אין זיין וואוהנונג. זיינע שטוב מענטשין וועלין ניט קענען ליידין וואס ער וואוהנט מיט זייא. רב יהודה האט גזאגט פון רבב וועגין דער מענטש וואס איז ניט קיין תלמיד חכם אונ ער איז גרויס ביי זיך אונ ער גייט אין אקלייד פון א תלמיד חכם. וועט מען אים ניט אריין לאזין פאר גאט. ווארום דא שטייט דער וואס איז גרויס בייא זיך ולא ינוה. וועט ער ניט וואוהנען. אונ דארט שטייט אל נוה קדשך. צו דיין היילינע וואוהנונג. מיינט דער פסוק דער וס איז גרויס ביי זיך וועט ער ניט וואוהנען אין די היילינע וואוהנונג פון גאט:

ד כתוב. אין ספר בן סירא שטייט אלץ האב איך גיוואוגן אין אוואג שאל. אונ איך האב ניט גיפונען גרינגער (ערגער) וויא קלייען. אונ גרינגער (ערגער) ווי קלייען איז. אז אאיידים וואוהנט ביי זיין שווער אין שטוב. אונ גרינגער (ערגער) וויא אאיידים וואוהנט ביי זיין שווער אין שטוב: איז אז אגאסט ברייננט אריין אגאסט. למשל ראובן האט גיבעטין שמעון ער זאל אים געבין עסין אסעודה. אונ שמעון האט אים גיהייסען קומען עסין. איז גיגאנגען ראובן אונ האט מיט גינומען לוי אויך אונ איז מיט אים גיקומען עסין ביי שמעון. דאס איז ניט שיין. גינוג פאר ראובן וואס שמעון גיט אים עסין ברייננט ער נאך מיט אפרעמדין אויך. אונ גרינגער (ערגער) וויא אגאסט ברייננט אריין אגאסט. איז אז איינער ענטפערט אויף אזאך איידער ער הט זיא גהערט. אזו וויא עס שטייט אין פסוק אז איינער ענטפערט אויף אזאך איידער ער האט זי גיהערט איז דס אנארישקייט צו אים אונ אשאנד:

ה רבי חנינא איז אמאהל גיגאנגען אין דיא קליינע שטעטלאך. האבען די מענטשין פון דיא קליינע שטעטלאך גיפרעגט ביי אים קשיות פון פסוקים. פון איין פסוק אויף דעם אנדערין. אין איין פסוק שטייט דיא שטוב (דער בית המקדש) וואס דער מלך שלמה האט גיבויט צו גאט. איז גיוועזן דיא ליינג (פון דיא טיר וואס אין מזרח וואנט ביז צוא דיא מערב וואנט) פון קדשי קדשים זעכציג איילין: (פערציג איילין איז גיוועזן דיא ליינג פון היכל. אונ צוואנציג איילין איז גיוועזן דיא ליינג פון קדשי קדשים). אונ צוואנציג איילין איז גיוועזן דיא ברייט פון צפון וואנט ביז צו דרום וואנט. אונ דרייסיג איילין איז גיוועזן דיא הייך. איז דאך גיוועזן דיא הייך פון קדשי קדשים אויך דרייסיג איילין. אונ אין אנדערין פסוק שטייט אינוויינינ פון דביר (די וואנט

להו כי קא חשיב משפת כרובים ומעלה קא חשיב מאי קמ"ל (דף לט) הא קמ"ל למטה כלמעלה מה למעלה אין משמש כלום אף למטה אין משמש כלום מסייע ליה לרבי לוי דא"ר לוי ואי תימא רבי יוחנן דבר זה מסורת בידינו מאבותינו מקום ארון וכרובים אינו מן המדה . תנ"ה ארון שעשה משה יש לו עשר אמות ריוח לכל רוח ורוח :

א"ר

לדביר עשרים כלומר ולפנים מתחילת בית קה"ק וזהו אמה טרקסין שקרוים דביר כ' אמה אורך מן המזרח למערב וכ' אמה רוחב מצפון לדרום וכ' אמה קומתו : כי קא חשיב . כ' דקומת בית קה"ק: משפת כרובים ולמעלה . קא חשיב שהכרובים של שלמה שנים היו עומדים על הקרקע אחד מימין הארון אצל כותל מערבי ואחד משמאלו ורומן עשר כדכתיב בהדיא במלכים וכנפיהם פרושות מקיר לקיר כנף האחד נוגע בקיר צפוני וכנף השני בקיר דרומי מגע מראשי הכרובים ומעלה כ' אמה עד הגג והארון של משה על גבי הכפורת היו : מאי קמ"ל . ל"ל דקא חשיב קרא כי האי גוונא משפת כרובים ולמעלה לימא שלשים אמה קומתו : ומשני הא קמ"ל למטה כלמעלה . דהני י' אמות שהכרובים והארון עומדים בהם כמו שכ' של מעלה מה הכ' של מעלה כולם חלל ואין בהם דבר כך גם שעמה וגוף הכרובים בהם היו עומדין כדלקמן ומקום הארון אינו מן המדה אלא בנס היה עומד וכנפי הכרובים שהם נ"א יד לא חיילי דהא למטה דידהו ולמעלה דידהו יכולין למדוד עשרים ריקניות מכותל צפוני לכותל דרומי והכי משמע קרא וכ' אמה קומתו כלומר כל הכ' אמות קומה אין השוכים אלא כעשרים דמשפת כרובים ולמעלה שהם פנוים מכלום העשרה כמו הכ' : ארון שעשה משה . כשניתן בבית קה"ק שעשה שלמה שהוא כ' על כ' : יש לו עשר אמות ריוח לכל רוח ורוח . לימינו ולשמאלו הרי כ' בלא ארון ולפניו כ' עד הדביר ע"כ :

אינו

װאס צװישען הֵיכָל אונ קָדְשֵׁי קָדָשִׁים הֵייסט דְבִיר) אין קָדְשֵׁי קָדָשִׁים. איז געװען צװאנציג איילין די קײנג ; אונ צװאנציג איילין די בּרייט אונ צװאנציג איילין די הייך . איז דאך אַקְשְׁיָא די הייך פון דעם קָדְשֵׁי קָדָשִׁים איז דאך אויך געװען דרייסיג איילין אזוי װיא פון הֵיכָל. האט רַבִּי חֲנִינָא דיא געענטפערט דיא צװאנציג איילין הייך רעכענט מען פון דיא כְּרוּבִים ביז צום סאפיט (װארום שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ האט געשטעלט צװיי כְּרוּבִים (צװיי קינדער אויס געשניצט פון האָלץ אונ בּעקלײדט מיט גאָלד. אונ פון רוקען זענען ארויס גיגאנגען צװיי פליגול . איין פליגול איבער דיא האנט אין פליגול איבער דיא האנט) איין כְּרוּב איז געשטאנען אויף דיא ערד נעבּין ארון פון דער זייט . אונ איין כְּרוּב איז געשטאנען אויף די ערד נעבין ארון פון דיא אנדערע זייט ; יעדער כְּרוּב איז געװען הויך צעהן איילין ; אונ פון כְּרוּב ביז צום סאפיט איז געװען הויך צװאנציג איילין ; צו זאמען איז דיא הייך געװען דרייסיג איילין) . פרעגט דיא גְמָרָא צו װאס רעכענט דער פָּסוּק דיא צעהן איילין פון דיא כְּרוּבִים בּזונדער . אונ דיא צװאנציג איילין פון דיא כְּרוּבִים ביז צום סאפיט בּזונדער . זאל ער זאגין די הייך פון קָדְשֵׁי קָדָשִׁים איז געװען פון דיא ערד ביז צום סאפיט דרייסיג איילין ; ענטפערט דיא גְמָרָא דער פָּסוּק דער ציילט אונז אז די אונטערשטע צעהן איילין זענען געװען װיא דיא אויבערשטע צװאנציג איילין . אזוי װיא אין דיא אויבערשטע צװאנציג איילין איז גאר נישט געשטאנען . זייא זענען געװען ליידיג . אזוי דיא אונטערשטע צעהן איילין זענען אויך געװען גאר ליידיג . מען האט גיקענט מעסטין צװאנציג איילין פון צָפוֹן ביז דָרוֹם אן דעם גוף פון דיא כְּרוּבִים אונ אן דעם ארון ; דאס װעט זיין אזוי װיא רַבִּי לֵוִי האט גזאגט . אדער װיא רַבִּי יוֹחָנָן האט גזאגט דיא זאך איז איבער גיגעבין געװארין אין אונזערע הענט פון אונזערע עלטערין (דאס האבען אונז אונזערע עלטערין גזאגט) אז דער ארט פון ארון אונ פון דיא כְּרוּבִים איז ניט גירעכענט אין דיא מאס פון צװאנציג איילין װאס פון צָפוֹן ביז דָרוֹם . אונ ניט אין דיא צװאנציג איילין װאס פון מִזְרָח צוא מַעֲרָב ; זאגט דיא גְמָרָא מיר האבען אויך אזוי גילערנט דער ארון װאס משה האט אים גימאכט האט ער גיהאט ליידיגע צעהן איילין אין יעדער זייט . (דער ארון איז געשטאנען אין קָדְשֵׁי קָדָשִׁים נעבין דיא מַעֲרָב װאנט . אונ פון דיא מַעֲרָב װאנט ביז צוא מִזְרָח װאנט איז געװען צװאנציג איילין . אונ אז מען האט גימאסטען פון דעם ארון ביז צו מִזְרָח װאנט איז אויך געװען צװאנציג איילין . אונ פון צָפוֹן װאנט ביז דָרוֹם װאנט איז געװען צװאנציג איילין . אונ דער ארון מיט דיא כְּרוּבִים איז געשטאנען אין מיטען . אונ אז מען האט גימאסטען פון צָפוֹן װאנט ביז צום ארון איז געװען צעהן איילין . אונ פון דָרוֹם װאנט ביז צום ארון איז אויך געװען צעהן איילין) . אונ װאו איז געװען דער ארט פון ארון מיט די כְּרוּבִים . איז דער ארון מיט די כְּרוּבִים געשטאנען דורך אַנֵס:

ובמסכת מגילה כתוב בפרק ראשון מאמר הענין זה ורצוי לסדרו במקום הזה:

ו א"ר לוי ואי תימא רב פפי דבר זה מסורת היא בידנו מאבותינו מקום ארון (מגילה י) (וכרובים) אינו מן המדה. תניא נמי הכי ארון שעשה משה יש לו ריוח עשר אמות לכל רוח ורוח. וכתיב (מ"א ו) ולפני הדביר עשרים אמה ארך ועשרים אמה רחב ועשרים אמה קומתו ויצפהו זהב. ארון גופיה היכא הוה מונח אלא לאו ש"מ בנס היה עומד:

ז אמר (רבינא) [רבניא] אמר שמואל כרובים בנס היו עומדים שנאמר (מ"א ו) וחמש אמות כנף הכרוב האחת וחמש אמות כנף הכרוב השנית עשר אמות מקצות כנפיו ועד קצות כנפיו גופייהו היכא הוו קיימי אלא ש"מ בנס היו עומדין מתקיף לה אביי

אינו מן המדה. אינו אוחז למעט מדת הקרקע לכל צדדיו כלום כדקתני יש לו י' אמות לכל רוח באמצע בית קה"ק היה יושב ויש ריוח בינו לבין הכתלים עשר אמות לכל צד וכל הבית אינו אלא כ' על כ' נמצא שאינו ממעט כלום: לפני הדביר. חלל בית קה"ק שהוא לפנים מן הדביר היא המחיצה המבדלת בין הקודש ובין קה"ק:

כרובים. דשלמה: בנס היו עומדין. גופן: כנף הכרוב האחת. כנף האחד של כרוב:

וחמש אמות כנף השנית. של אותו כרוב ולא בכרוב שני קא מיירי דהא כתיב בתריה ועשר באמה הכרוב השני וגו': עשר אמות מקצות כנפיו ועד קצות כנפיו. מהכא לא מפקינן דבנס היה עומד הגוף בין שני הכנפים שמקצה האחד עד הקצה השני לא הוי כי אם עשר אמות וא"כ הגוף שבינתים היכן לא יתכן לומר דמהכא נפקא ליה דא"כ מאי האי דקא פריך לקמן ודילמא ביתא מעילאי רווח וקושיות אחרות דלא שייכי הכא כלל אלא קרא הכי משמע ליה אם באת לחבר שני כנפי הכרוב זה לצד זה תמצא מקצות כנפיו עד קצות כנפיו עשר אמות ומיהו טפי מעשר אמות היו שהרי רוחב הגוף בין שני הכנפים אלא מהכא פרכינן שרוחב בית קה"ק מצפון לדרום לא היה אלא כ' אמה ושני הכרובים היו בכנפיהם עשרים לבד הגופים כדכתיב ששני הכנפים עשר אמות וכתיב ויפרשו את כנפי הכרובים ותגע כנף האחד בקיר וכנף הכרוב השני נוגעת בקיר השני וכנפיהם אל תוך הבית נוגעות כנף אל כנף וא"כ אימא גופייהו דכרובים היכא הוו קיימי דקס"ד שהכנפים בכרוב כידי אדם א' מצד ימין וא' מצד שמאל והגוף בינתים: מתקיף לה אביי. מי

ו אמר. רבי לוי האט גזאגט אנדערע זאגן רב פפי האט גזאגט. דיא זאך איז איבער געגעבין געווארין אין אונזערע הענט פון אונזערע עלטערין (דאס האבען אונז אונזערע עלטערין גזאגט) אז דער ארט פון ארון אונ פון דיא כרובים איז ניט גירעכונט אין דיא מאס פון צוואנציג איילין וואס פון צפון ביז דרום. אונ ניט אין דיא צוואנציג איילין וואס פון מזרח צוא מערב. זאגט דיא גמרא מיר האבען אויך אזוי גילערונט דער ארון וואס משה האט אים גימאכט האט ער גיהאט ליידיגע צעהן איילין אין יעדער זייט. אונ עס שטייט אין פסוק אינווייניג פון דעם דביר (דיא וואנט וואס צווישען היכל אונ קדשי קדשים הייסט דביר) אין קדשי קדשים. איז גיוועזען צוואנציג איילין די לייננג. אונ צוואנציג איילין דיא ברייט אונ צוואנציג איילין די הייך. אונ ער האט אינווייניג בדעקט מיט גאלד. אונ וואו איז גישטאנען דער ארון. נאר מיר מוזין זאגן אז דער ארון איז גישטאנען דורך א נס:

ז אמר. רבנאי האט גזאגט פון שמואלס וועגין דיא כרובים זענען גישטאנען אין קדשי קדשים מיט א נס. ווארום עס שטייט אין פסוק דער פליגול פון א כרוב איז גיוועזען לאנג פינף איילין. אונ דער אנדערער פליגול פון דעם כרוב איז אויך גיוועזען לאנג פינף איילין. אונ אז עס וואלט גיוועזען איין פליגול נעבין אנדערין פליגול וואלט גיוועזען פון דעם עק פון דעם רעכטין פליגול ביז דעם עק פון דעם לינקען פליגול צעהן איילין דיא לייננג. אונ אזו איז גיוועזען דיא לייננג פון דיא צווייא פליגול פון דעם אנדערין כרוב: איז דאך גיוועזען דיא לייננג פון דיא פיר פליגול צוואנציג איילין. האט דאך אן גערירט איין פליגול (דער רעכטער) פון איין כרוב דיא צפון וואנט. אונ איין פליגול (דער לינקער) פון אנדערין כרוב האט אן גערירט דיא דרום וואנט. איז דאך א קשיא וואו זענען גישטאנען דיא כרובים אליין. ווארום דיא ברייט פון דיא פלייצעס פון דיא כרובים זענען דאך גיוועזען צווישען דיא פליגול. איז דאך שוין גיוועזען פון דעם עק פון דעם רעכטין פליגול ביז דעם עק פון דעם לינקען פליגול מער וויא צעהן איילין. אונ אזוי איז גיוועזען ביי דעם אנדערין כרוב איז דאך גיוועזען צו זאמען מער וויא צוואנציג איילין. אונ פון צפון וואנט ביז דרום וואנט איז נאר גיוועזען צוואנציג איילין. דריבער מוזין מיר זאגן אז די כרובים זענען גישטאנען מיט א נס. האט אביי גיפרעגט טאמער איז גיוועזען דיא גאנצע פלייצעס פון דיא כרובים אונטער דיא פליגול. אזו וויא דיא פליגול פון דיא העגער זענען. אונ דיא פליגול זענען גיוועזען אויף

אביי ודלמא בולטין כתרנגולים הוו קיימי מתקיף לה רבא ודלמא זה שלא כנגד זה הוו קיימי מתקיף לה רב אחא בר יעקב ודלמא באלכסונא הוו קיימי מתקיף לה רב הונא בריה דרב יהושע ודלמא ביתא מעילאי רווח מתקיף לה רב פפא ודלמא מיכף הוו כייפי ידייהו מתקיף לה רב אשי ודלמא שלחופי הוו משלחפי (ידייהו) . כיצד הן עומדין ר"י ור"א חד אמר

מי יימר דכנס היו עומדים דלמא גופן של כרובים בולטין ויוצאין מתחת הכנפים כתרנגולים שהגוף כלו (יוצא) מתחת כנפיו ולא ביניהם שאין הרחקה והפרש בין הכנפים אלא מקורבים היו והגוף יוצא מן הכנפים שבני הכנפים יוצאים ממקום אחד באמצע הגב וכן כל הנך קושיות דמקשי הכך את רבי ואזלי הגוף הכרובים קיימי בר מהנך בתראי דגרסינן בהו ידייהו בהדיא ורב פפא ורב אשי כייפו ידייהו משלחפי ידייהו : ודילמא זה שלא כנגד זה הוו קיימי. כרובים שאחד עומד מצד הארון מזה בסמוך לכותל והשני עומד מצד הארון מזה מבוך רחוק מן הכותל קצתו ונמצא כנף האחד נוגעת אחורי כנף חברו בין הכנף ולכותל נמצא קצת כנף הכרוב המשוך מן הכותל לפני קצת כנף הכרוב הסמוך לכותל כשיעור עובי רוחב הגופים אע"ג דלאו בולטים כתרנגולים ניהו אפ"ה לא תיקשי מידי : מתקיף לה רב אחא בר יעקב. נהי נמי דלאו בולטים כתרנגולים ניהו וגם זה כנגד זה קיימי אפ"ה לא תקשי מידי דדילמא באלכסון הבית היו עומדים הכרובים זה כנגד זה דאיכא טפי מעשרים אמה כשיעור הגופים מקצות כנפיו של זה לקצות כנפיו של זה כגון שהכרוב שבימין הארון לא היה פניו ממש כנגד ההיכל וגבו לכותל מערבי אלא מצד האלודי כנפי התיכון כנגד דרומית מערבית נוגע בכותל בזוית וכנף שלו שמצד הארון פרוש באלי הארון או חוצה לו דהיינו רחוק מן הכותל וכנף הכרוב השני מתחיל משם וכנפו השנית נוגעת סמוך לדביר בקרן לפונית מזרחית : מתקיף לה רב הונא בריה דרב יהושע. נהי נמי דזה כנגד זה קיימי ולא באלכסון קיימי והפ"ה אין גופן עומד כנס דדלמא ביתא מעילאי רוח שהבנין הולך ומתקצר מלמעלה והוי רוחב יותר מעשרים אמה במקום שבולטין הכנפים מן הגופים והוי מקיר אל קיר כנגד כנפי הכרובים מקום נגיעתם בכתלים יותר מעשרים כרוחב הגופים : מיכף הוו כייפי ידייהו. הכנפים עצמן כפופים הן כאדם שכופף ידיו מעט ובכך ניכא אלא עבריה אמה מקצה כנף האחד לקצה כנף השני : ודילמא שלחופי הוו משלחפי ידייהו. כנף על כנף כאדם כשונק את ידיו כדכתיב שכל את ידיו ומתרגמינן בתרגום ארץ ישראל בלהפינן ידוהי כך פי' ה"ג ואי מבוע דכתיב וכנפיהם

אל

דיא פלייצעס איין פליגול נעבין דעם אנדערין . דארפן מיר שוין ניט זאגן אז די כרובים זענען גישטאנען מיט אנם . האט רבא גיפרעגט אפילו מיר וועלין זאגן אז דיא פליגול זענען גישטאנען בייא דער זייט פון דיא כרובים . אזו וויא דיא הענט פון אמענטשין . פון דעסטוועגין דארפן מיר ניט זאגן אז דיא כרובים זענען גישטאנען מיט אנם . ווארום טאמער זענען גישטאנען . דיא כרובים ניט איינער געגין אנדערין . נאר איינער איז גישטאנען נעבין דיא וואנט . אונ דער אנדערער איז גישטאנען אפ געריקט פון דיא וואנט . איז גיוועזן פאר שפרייט איין פליגול אינטער דעם אנדערין פליגול . קמשל אויב דיא ברייט פון די צוויי פלייצעס פון דיא כרובים איז גיוועזן אאייל : איז גיוועזן איין פליגול אינטער דעם אנדערין פליגול אויך אאייל . האבען שוין די כרובים גיקענט שטיין אן אנם . רב אחא בר יעקב האט גיפרעגט אפילו מיר וועלין זאגן אז דיא פליגול זענען גיוועזן בייא דיא זייטען פון דיא כרובים . אונ די כרובים זענען גישטאנען איינער געגין אנדערין . דארפן מיר אויך ניט זאגן אז דיא כרובים זענען גישטאנען מיט אנם . ווארום טאמער זענען זייא גישטאנען אין דער קרים . רב הונא בריה דרב יהושע האט גיפרעגט אפילו מיר וועלין זאגן אז דיא פליגול זענען גיוועזן ביי דיא זייטען פון דיא כרובים . אונ דיא כרובים זענען גישטאנען איינער געגין אנדערין . אונ זיי זענען ניט גישטאנען אין דער קרים : דארפן מיר אויך ניט זאגן אז דיא כרובים זענען גישטאנען מיט אנם . ווארום טאמער איז גיוועזן דער קדשי קדשים צוואנציג איילין דיא לייננ . אונ צוואנציג איילין דיא ברייט . נאר אויף דיא פאדלאגע . אבער ווס העכער זענען דיא ווענט גיוועזן דינער . איז דער קדשי קדשים גיווארין ברייטער אונ לייננער ווי צוואנציג איילין . אונ ביז צען איילין הויך פון די ערד האבען שוין גיקענט שטיין די כרובים אוים גישפרייט דיא פליגול . רב פפא האט גיפרעגט אן דעם דארפן מיר אויך ניט זאגן אז דיא כרובים זענען גישטאנען דורך אנם . ווארום טאמער זענען גיוועזן דיא פליגול אב סוף אראפ גילאוט נעבין דיא זייטען . דריבער איז גיוועזן די פליגול מיט דיא כרובים צו זאמען נאר צוואנציג איילין . רב אשי האט גיפרעגט טאמער איז גיוועזן דיא צוויי מיטעלסטע פליגול ארויף גילייגט א פליגול אויף א פליגול . דריבער איז גיוועזן דיא פליגול מיט דיא כרובים צו זאמען נאר צוואנציג איילין . פרעגט דיא גמרא וויא זענען גישטאנען דיא כרובים . ענפערט דיא גמרא אין דעם קריגט רבי יוחנן מיט רבי אלעזר . איינער זאגט עס איז גיוועזן אפנים געגין אפנים . דיא כרובים האבען

אמר פניהם איש אל אחיו וח"א פניהם לבית. ולמ"ד פניהם איש אל אחיו הכתיב (ד"ה ב ג) ופניהם לבית ל"ק כאן בזמן שישראל עושין רצונו של מקום כאן בזמן שאין ישראל עושין רש"מ. ולמ"ד פניהם לבית הכתיב (שמות כה) ופניהם איש אל אחיו דמצדדי אצדודי. תניא אונקלוס הגר אומר כרובים (ד"ה ב ג) מעשה צעצועים הם ומצודדין פניהם כתלמיד הנפטר מרבו:

(דף ק) **ח תניא** הלך בה לארכה ולרחבה קנה מקום הילוכו דברי רבי אליעזר וחכמים אומרים אין הילוך מועיל כלום עד שיחזיק א"ר אלעזר מ"ט דר"א דכתיב (בראשית יג) קום התהלך בארץ לארכה ולרחבה כי לך אתננה ורבנן ההם משום חביבותא

אל תוך הבית נוגעת כנף אל כנף היינו נמי כפנים נוגעות דהוי זו כנגד זו: ופניהם א"ש אל אחיו. בשל משה כתיב: ופניהם לבית. בכרובים של שלמה כתיב בדה"י דכתיב והם עומדים על רגליהם ופניהם לבית ולהיכל ולא כאותם של משה שהם על הכפורת והללו על הקרקע ושל עץ שמן היו ומחופין זהב כדכתיב במלכים: הכתיב ופניהם לבית. ול"ש כרובים שעל הכפורת ול"ש שעל הקרקע ראוים היו ליעשות בענין אחד: כאן בזמן שישראל עושין רצונו של מקום הם הופכין פניהם זה לזה דוגמת חיבת זכר ונקבה שאוהבין זה את זה כימן שהקב"ה אוהב את ישראל ומתחלה כך נעשו פנים אל פנים כדי שתשרה שכינה על ישראל וישראל יעשו רצונו של מקום וכשאין ישראל עושין רש"מ הופכין פניהם לבית ע"י נס: דמצדדי אצדודי. קצת לבית וקצת זה לזה כאדם המדבר עם חבירו והופך ראשו קצת לצד אחר והכא ליכא לתרוצי כדלעיל כאן בזמן שישראל עושין וכו' דכיון דעיקר עשיית כרובים פניהם לבית לא היה להם לעשותם לסימן שאין ישראל עושין רצונו של מקום: מעשה צעצועים. פסוק הוא בכרובים בד"ה (ב' ג') והוא לשון צאצאים כלו' תינוקות כדאמרינן מאי כרוב כרביא ילד כלומר כתינוק הנפטר מרבו והיינו מצדד אצדודי דאמרן לעיל:

כדי

אן געקוקט איינער דעם אנדערין. אונ איינער זאגט זייא האבען גיקוקט מיט זייערע פנימער אויף דעם קדשי קדשים. פרעגט דיא גמרא דער וואס זאגט אז דיא כרובים האבען גיקוקט איינער אויף דעם אנדערין. עס שטייט דאך אין פסוק זייא האבען גיקוקט מיט זייערע פנימער אויף דעם קדשי קדשים. ענטפערט דיא גמרא עס איז ניט קיין קשיא. ווען דיא יודין פרעגין טאהן דעם ווילען פון גאט. האבען דיא כרובים גיקוקט איינער אויף דעם אנדערין. אונ ווען די יודין פרעגין ניט טאהן דעם ווילען פון גאט. זיי האבין געזינדיגט. האבען דיא כרובים גיקוקט מיט זייערע פנימער אויף דעם קדשי קדשים. פרעגט דיא גמרא דער וואס זאגט אז דיא כרובים האבען גיקוקט מיט זייערע פנימער אויף דעם קדשי קדשים. עס שטייט דאך אין פסוק דיא כרובים האבען געקוקט איינער אויף דעם אנדערין. ענטפערט דיא גמרא זייא האבען גיהאלטען דיא פנימער אויף אזייט. אביסול האבען זיי געקוקט איינער אויף דעם אנדערין: אונ אביסול האבען זיי גיקוקט אויף דעם קדשי קדשים. מיר האבען גילערונט אונקלוס הגר האט גזאגט דיא כרובים זענין גיוועזען גימאכט ווי קינדער אונ זיי זענין גישטאנען מיט דעם פנים אויף אזייט. אזו ווי א תלמיד וואס גייט אוועק פון זיין רבי:

ח תניא. מיר האבין גילערונט אז אין א פעלד פון א בעל הבית איז גיוועזען א וועג דורך צו גיין. וואס פיל מענטשין זענען אין איר גיגאנגען. אונ דיא וועג איז צו האקערט גיווארין מיט דיא גאנצע פעלד צו זאמען. אונ איצט ווייס מען ניט אויף וועלכין ארט דיא וועג איז גיוועזען. אז איינער איז גיגאנגען אין דיא פעלד אין דער לענג אונ אין דער ברייט. אונ דער בעל הבית האט גיזעהן אונ האט געשוויגען. דעם ארט וואס ער איז אויף אים גיגאנגען האט ער אים שוין זוכה גיוועזען ער זאל אגע מאהל אויף איהם גיין: אזוי זאגט רבי אליעזר. אונ דיא חכמים זאגין גיין העלפט גאר ניט. סיידין ער זאל טאהן א חזקה נער זאל דיא ערד פון דיא וועג פאר בעסערין העכער מאכין אביסול. אדער נידעריגער מאכין אביסולו. רבי אלעזר האט גיזאגט פאר וואס זאגט רבי אליעזר אז מיט גיין אליין איז מען זוכה: ווארום עס שטייט אין פסוק גאט האט גיזאגט צו אברהם שטיי אויף אונ גיי אין דר לאנד אין דר לענג אונ אין דר ברייט ווארום צוא דיר וועל איך געבין דיא לאנד. זעהן מיר אז מיט דעם גיין אליין האט אברהם זוכה גיוועזען דיא לאנד. אונ דיא רבנן זאגין ווייל גאט האט ליב גיהאט אברהמען דריבער האט ער גיזאגט צו אים ער זאל גיין אין דיא לאנד וועט אויס זעהן אזוי ווי דיא לאנד וואלט שוין גיוועזען זיינע. דער

חביבותא דאברהם הוא דקא"ל הכי כדי שיהא נוח לכבוש לפני בניו :

(ע"ב) **ט ת"ר** אין פוחתין משבעה מעמדות ומושבות למת כנגד (קהלת א) הבל הבלים אמר קהלת הבל הבלים הכל הבל א"ל רב אחא בריה דרבא לרב אשי היכי עבדי א"ל כדתניא א"ר יהודה ביהודה בראשונה לא היו פוחתין מז' מעמדות ומושבות למת כגון עמדו יקרים שבו יקרים שבו אמרו לו א"כ אף בשבת מותר לעשות כן :

יש נוחלין פרק שמיני

(דף קח ע"ב) **א ומשפחת** אם אינה קרויה משפחה והכתיב (שופטים יז) ויהי נער מבית לחם יהודה ממשפחת יהודה והוא לוי והוא גר

כדי שיהא נוח וכו'. דהוו להו כיורשין ולא כגזלנין ולא יהיה רשות לשטן לקטרג ולא פתחון פה לבעל מדת הדין :

מז' מעמדות ומושבות. כשחוזרין מן הקבר הולכין מעט ויושבין לנחם האבל או להספידו לפי שאמר על המת שמת ולברכות רבכי ולהם היה אל לבו לשוב בתשובה כי היי האדם הבל ועומדין זה לכין מעט וחוזרין ויושבין מעט כך עושים ז"פ כדי להם אל לבם שהיי האדם הבל והיינו דמפרש לקמיה כנגד שבעה הבלים שכתובים בראש ספר קהלת כן נראה הטעם בעיני. ורגיתי כתוב מפני שהשדים מתלוים עם החוזרים מבית הקברות לכך תקנו מעמדות ומושבות כדי שמתוך כך יסתלקו השדים מעליהם ולא נהירא דא"כ יהא פוחתין כ' בכל מקום ולקמן אמרינן דבמנהגא תליא מילתא ועוד מאי כנגד הבל הבלים : היכי עבדי. היאך היו רגילים לעשות במקום שנהגו : עמדו יקרים. לאחר שישבו מעט היה הממונה אומר להם עמדו ולכו אל מקום אחר כך נראה בעיני : אמרו ליה. חכמים א"כ אף בשבת היכא דקברו א"נ המת סמוך לחשכה כדלקמן יהא מותר לעשות כן מאחר שלא היו עושין כי אם עמידות וישיבות ומדרב יהודה מייתי ראיה ולא מרבנן שהם לא פירשו כלום :

ויהי נער בספר. שופטים כתיב בפרשת פסלו של מיכה : וקא מהמה תלמודא. ממשפחת יהודה. אלמא קאתי מיהודה וכתיב: והוא לוי אלמא.

נאך וועט שוין זיין גרינג פאר זיינע קינדער זייא זאלין איין נעמען דיא לאנד אונ דער שטן וועט שוין ניט קענען מקטרג זיין אונ זאגין אז דיא יודין זענען גזלנים. ווארום זייא וועלין זאגין זיי ירשנען דיא לאנד פון אברהם :

ט תנו רבנן. דיא רבנן האבין גילערונט אז מען גייט צוריק פון דעם קבר וואס מען האט איצט בגראבין אמת. דארף מען אין וועג גייענדיג זיך זעצין זיבען מאהל אונ אויף שטעלין זיבען מאהל ; ניט ווייניגער. אונ ביא יעדער מאהל זיצען ווייגט מען אויף דעם מת אונ מען טרייסט דעם אבל. אונ דאס טוהט מען צו ווייזין אז דאס לעבין פון דעם מענטש'ז איז גאר נישט. אונ פאר וואס זיבען מאהל ווייל עס שטייט אין פסוק קהלת האט גיזאגט הבל הבלים הבל הבלים הכל הבל. הבל איז איינס. הבלים איז צוויי. נאך אמאהל הבל איז איינס. אונ הבלים איז צוויי. אונ הבל איז איינס. איז זיבען מאהל הבל. רב אחא דער זוהן פון רבא האט גיזאגט צו רב אשי ווי פלעגין זייא טאהן. האט רב אשי גיזאגט צו רב אחא אזוי וויא מיר האבין גילערונט. רבי יהודה האט גיזאגט אין דער מדינה יהודה אז מען פלעגט גיין צוריק פון אמת בגראבין פלעגט זיין דער מנהג צו זיצען זיבען מאהל אונ שטעלין זיך זיבען מאהל. ניט ווייניגער. איינער פלעגט אויס רופין שטעלט אייך איר טייערע מענטשין. זעצט אייך איר טייערע מענטשין. האבין דיא חכמים גיזאגט צו רבי יהודה אויב מען פלעגט נאר אזוי טאהן ניט מער. דארף מען דאך מעגין אזוי טאהן אפילו אום שבת. אויב מען האט בגראבין אמת ערב שבת פארין נאכט. דארף מען דאך מעגין זיצען אונ שטעלין זיבען מאהל אום שבת ביא נאכט :

פרק שמיני

א ומשפחת. פרעגט דיא גמרא דיא משפחה פון דיא מוטער ווערט ניט גירופין משפחה. עס שטייט דאך אין פסוק עס איז גיוועזן איינגער מענטש פון דיא שטאט בית לחם יהודה. פון דיא משפחה יהודה. אונ ער איז גיוועזן אלוי. אונ ער האט דארט גיוואוינט. איז דאך אקשיא דו זאגסט ער איז פון דיא משפחה יהודה. איז ער דאך גיבארין פון שבט יהודה. דער נאך זאגסטו ער איז אלוי איז ער דאך גיבארין פון שבט לוי. נאר אזוי מיינט דער פסוק דער פאטער זיינער איז גיוועזן פון שבט לוי. אונ די מוטער זיינע איז גיוועזן פון שבט יהודה. אונ ער זאגט

נד׳ שם הא גופא קשיא אמרת ממשפחת יהודה אלמא מיהודה קא אתי והוא לוי אלמא מלוי קאתי אלא לאו דאבוה מלוי ואמיה מיהודה וקאמר ממשפחת יהודה אמר רבא בר רב חנן לא גברא דשמיה לוי אי הכי היינו דקאמר מיכה (רס) עתה ידעתי כי ייטב ה׳ לי כי היה לי הלוי לכהן אין דאתרמי ליה גברא דשמיה לוי. וכי לוי שמו והלא יהונתן שמו דכתיב (שס יח) ויהונתן בן גרשום בן מנשה הוא ובניו היו כהנים לשבט הדני א״ל וליטעמיך וכי בן מנשה הוא והלא בן משה הוא דכתיב (ד״ה א כ״ג) בני משה גרשום ואליעזר אלא מתוך שעשה מעשה מנשה תלאו הכתוב במנשה ה״נ מתוך שעשה מעשה מנשה דאתי מיהודה תלאו הכתיב ביהודה אמר רבי יוחנן משום רבי שמעון בן יוחאי מכאן שתולין את הקלקלה במק לקל רבי יוסי ברבי חנינא אמר מהכא (מ״א א) וגם הוא טוב

תאר

אלמא מלוי קאתי. קשיין אהדדי: אלא לאו דאביו מלוי. להכי קרי ליה לוי שהלוים למטה אבותם נקראו לים והאי דקאמר ממשפחת יהודה על שם שאמו משבט יהודה: ומשני לא גברא דשמיה לוי הוא. והאי דכתיב והוא לוי כלומר כך שמו ולא משבט לוי הוא אלא משבט יהודה כדכתיב ממשפחת יהודה דמשפחת אב קרוי משפחה: היינו דקאמר מיכה כו. בתמיה שהיה מתגאה בעצמו על שנקרה לו א״ש לוי לכהן לע״ז שלו ואי משבט יהודה הוא במה היה משתבח לעצמו אלא ודאי משום דמשבט לוי הוא שבחם בחר הקב״ה לשרת ולעולם אבוה מלוי ואמיה מיהודה והדרא קושיין לדוכתה: ומשני דאיתרמי ליה גברא דשמיה היה לוי. בכך היה משתבח כאילו הוא משבט לוי ולעולם לאו לוי הוה אלא משבט יהודה: והלא יהונתן שמו. ובע״כ האי דקרי ליה לוי היינו דמשבט לוי הוא וקרי ליה ממשפחת יהודה אלמא דמשפחת אם קרויה משפחה: בן מנשה. הנו״ן תלויה מפני שהיא יתירה דבן משה הוא ויהונתן בן גרשום כו׳ בההוא פרשה כתיב שגזלו שבט הדני פסלו של מיכה והלוי הלך עמהם להיות להם לכהן: ומשני. וכי בן מנשה הוא והלא בן משה הוא. דלכך הנו״ן תלויה וגם מדקרי ליה לוי שהיה משבט לוי וכדכתיב בדברי הימים בני משה גרשום ואליעזר: אלא מתוך שעשה מעשה מנשה. בן חזקיה מלך יהודה שעבד ע״ז ולכך תלאו הכתוב במנשה ה״נ לעולם משבט לוי הוא כדקאמרת והאי דקרי ליה ממשפחת יהודה לאו משום דהאי מיהודה נא אביו ולא אמו אלא מתוך שעשה מעשה מנשה בן חזקיה וכו׳ א׳ מלך. מדקרי ליה בן מנשה וממשפחת יהודה: הקלקלה. דבכך פרשה מיירי שנעשה כומר לע״ז: במקולקל. מנשה:

ילדה

פון דיא משפחה יהודה . זעהן מיר דאך אז דיא משפחה פון דיא מוטער . ווערט אויך גירופין משפחה . האט רבא בר רב חנן גיזאגט אזוי מיינט דער פסוק דער נאמען פון דעם מענטש איז גיוועזן לוי . אונ ער איז גיוועזן פון שבט יהודה . זיין פאטער איז גיוועזן גיבארין פון שבט יהודה . אונ דיא משפחה פון פאטער ווערט גירופין משפחה . אונ דיא משפחה פון דיא מוטער ווערט ניט גירופין משפחה . פרעגט דיא גמרא אויב דער מענטש איז ניט גיוועזן פון שבט לוי . נאר זיין נאמען איז גיוועזן לוי . פאר וואס האט מיכה גיזאגט איצט ווייס איך אז גאט וועט מיר גוטס טאהן ווארום א לוי איז ביי מיר גיווארין א כהן . דער מענטש איז דאך גאר ניט גיוועזן קיין לוי . ענטפערט דיא גמרא אזו האט מיכה גימיינט ווייל מיך האט גיטראפען א מענטש וואס הייסט לוי . זאל זיין א כהן צו מיין עבודה זרה . איז א סימן אז גאט וועט מיר גוטס טאהן . פרעגט דיא גמרא האט דען דער מענטש גיהייסען לוי . ער האט דאך גיהייסען יהונתן . ווארום עס שטייט אין פסוק יהונתן בן גרשום בן מנשה ער מיט זיינע קינדער זענען גיוועזן כהנים צו דיא עבודה זרה פון שבט דן . האט רבא בר רב חנן גיפרעגט איז דען גרשון גיוועזן דער זוהן פון מנשה . ער איז דאך גיוועזן דער זוהן פון משה . אזו וויא עס שטייט אין פסוק דיא קינדער פון משה זענען גיוועזן גרשום אונ אליעזר . נאר ווייל ער האט גיטאהן אזו וויא מנשה דער זוהן פון חזקיהו האט גיטאהן . וואס ער האט געדינט עבודה זרה . דריבער רופט אים דער פסוק אויף דעם נאמען מנשה . אזו וועלין מיר דא אויך זאגין . זיין נאמען איז גיוועזן יהונתן . אונ ער איז טאקי גיוועזן פון שבט לוי . נאר פאר וואס רופט מען אים פון דיא משפחה פון יהודה . ווייל ער האט גיטאהן אזו וויא מנשה האט גיטאהן . וואס ער האט געדינט עבודה זרה . אונ מנשה איז דאך פון שבט יהודה . דריבער רופט אים אויך דער פסוק פון דיא משפחה פון יהודה . רבי יוחנן האט גיזאגט פון רבי שמעון בן יוחאים ווענין פון דאנען לערנען מיר אז מען איינגט אן דיא עבירה אויף דעם וואס איז גיוואוהנט צו טאהן עבירות . אזוי וויא מען האט דא אן גיהאנגען דעם יהונתן אן מנשה . ווייל זייא האבען ביידע גיטאהן איין ערליי עבירה . רבי יוסי ברבי חנינא זאגט פון דעם פסוק ער וארוניהו האט גיהאט א שיינע געשטאלט . אונ אים האט זיין מוטער גיבארין נאך

תאר מאד ואותו ילדה אחרי אבשלום והלא אדוניה בן הגית ואבשלום בן מעכה (בת תלמי מלך גשור) אלא מתוך שעשה מעשה אבשלום שמרד באביו תלאו הכתוב באבשלום (ה"נ מתוך שעשה מעשה כנשה דאתי מיהודה תלאו הכתוב ביהודה) (רפ"ל מוחק זה):

ב א"ר אליעזר [אלעזר] לעולם ידבק אדם בטובים שהרי משה שנשא בת יתרו יצא ממנו יהונתן אהרן שנשא בת עמינדב יצא ממנו פנחס ופנחס לאו מיתרו אתי והכתיב (שמות ו) ואלעזר בן אהרן לקח לו מבנות פוטיאל לו לאשה מאי לאו דאתי מיתרו שפיטם עגלים לע"ז לא דאת מיוסף שפטפט ביצרו והלא שבטים מבזין אותו ואומרים ראיתם בן פוטי זה בן שפיטם אבי אמו (די זו) אלא אי אבוה דאימיה מיוסף אימא דאימיה מיתרו ואי אבוה דאמיה מיתרו

ילדה אחרי אבשלום. משמע שמלא אחת היו והלא אדוניה בן הגית הוה: יצא ממנו יהונתן. בן בנו של משה: פנחס. בן בנו של אהרן: ומהמה ופנחס לאו מיתרו קא אתי. מבת יתרו אלמא קרוב היה ליתרו יותר מיהונתן בן גרשום ואפ"ה הסיד היה ואין ללמוד מכאן שידבק אדם בטובים שהרי אלעזר אבי פנחס לקח בת יתרו ויצא ממנה פנחס ואם אהרן דבק בטובים אלעזר בנו לא דבק בטובים: מאי לאו. מבנות יתרו כלו' בת יתרו ממש אחת מבנותיו: מבנות יוסף. כלו' משבט יוסף: שפטפט. מתרים ונלחם כנגד יצרו כדאמרי' לקמן חוץ מזקן א' שהיה מפטפט כנגדו: ופרכינן והלא שבטים מבזין כו'. בכנסד' פ"ט שההילו כשבטים מבזין כו': שפיטם. כדכתיב כהן און כומר לע"ז: אלא אי אבוה כו'. אלא לעולם לאו מבת יתרו ממש כ"לד פנחס שהגי גם מיוסף היה כדדרשינן לקמן פוטיאל בני פטפוטין משמע מיוסף שפטפט ביצרו ומיתרו שפיטם עגלים לע"ז והילכך א"ת שהלא אמו בת יתרו ממש דמה ענין בת יתרו אלא שבט יוסף אלא ה"ק קרא ואלעזר בן אהרן לקח לו מבנות פוטיאל לו לאשה כלומר שהבהו נולדה מיתרו ומיוסף ומהשתא תנינו למימר עד ד' או דור ה' היה פנחס לבת יתרו ולא היה קרוב ליתרו כיהונתן בן גרשום ולהכי אהני מה שדבק אהרן בטובים ואותו זקנו של פנחס מצד האם שדבק ביתרו והעפ"כ יצא ממנו פנחס ליכא לאקשויי מיניה ממאי דבעיא למילף ממשה שיצא ממנו יהונתן שהרי פנחס היה רחוק מיתרו יותר מיהונתן: אי אבוה דאימיה מיוסף אימא דאימיה נפקא מיתרו. כגון מבניו של יתרו הו מבני בניו וליכא למימר הימא דאימיה מיתרו בת יתרו ממש דא"כ קרוב הוא ליתרו כיהונתן ולא ילפינן ממשה ומאהרן מידי: אבוה דאימיה מיתרו. מבנות יתרו ונראה

אבשלום. איז דאך אקשיא וויא קומט אדוניהו צו אבשלום. אדוניהו איז גיוועען דער זוהן פון חגית: אונ אבשלום איז גיוועען דער זוהן פון מעכה. נאר ווייל אדוניהו הט גיטאהן די זעלביגע עבירות וואס אבשלום האט גיטאהן. אזו וויא אבשלום האט געזינדיגט געגין זיין פאטער. אזו הט אדוניהו אויך געזינדיגט געגין זיין פאטער. דריבער הט דער פסוק אן גיהאנגען אדוניהו אן אבשלום:

ב אמר: רבי אלעזר האט גזאגט אייביג זאל זיך אמענטש בהעפטין צו גוטע מענטשין: וואראום משה האט התונה גיהאט מיט דיא טאכטער פון יתרו. איז פון אים גיבארין גיווארין יהונתן וואס ער איז גיוועען אכהן צו דיא עבודה זרה. אהרן האט חתונה גיהאט מיט די טאכטער פון עמינדב. איז פון אים גיבארין גיווארין פינחס. פרעגט דיא גמרא אונ פינחס איז ניט גיבארן פון יתרו. עס שטייט דאך אין פסוק אלעזר בן אהרן הט גינומען אווייב פון פוטיאלס טעכטער. פאר וואס האט מען אים גירופען פוטיאל. נאר פוטיאל איז יתרו. אונ דאס איז צווייי ווערטער פוטי אל. ער האט געפיטערט קעלבער צו זיין גאט: צו די עבודה זרה: זעהן מיר דאך אפילו דער פאטער פון פינחס הט זיך ניט בהעפט צו גוטע. פון דעסטוועגין איז פון אים גיבארן גיווארין אזו אצדיק וויא פינחס. ענפערט דיא גמרא אלעזר הט ניט גינומען די טאכטער פון יתרו. נאר ער האט גנומען אטאכטער פון שבט יוסף. אונ יוסף הייסט פוטיאל. ווייל ער האט מלחמה גיהאלטען מיט דעם יצר הרע ווען ער הט אים אן גירעט ער זאל מזנה זיין מיט פוטיפרס ווייב: פרעגט דיא גמרא אז פינחס איז גיבארן פון יוסף ניט פון יתרו וואס פלעגין דיא שבטים אים פאר שעמען אונ פלעגין זאגן צו אים איר הט גיזעהן דער מענטש וואס זיין מוטערס פאטער האט געפיטערט קעלבער צו דיא עבודה זרה זאל ער הרגנן אנשיא פון אשבט. האט דען דער שבט יוסף געפיטערט קעלבער צו דיא עבודה זרה. נאר אזו איז גיוועען פינחס איז גיבארן גיווארן פון צוויי פאמיליעס. פון שבט יוסף אונ פון יתרוס משפחה אויך. אדער זיין מוטערס פאטער איז גיוועען פון יוסף אונ זיין מוטערס מוטער איז גיוועען פון יתרו. אדער זיין מוטערס פאטער איז גיוועען פון יתרו אונ זיין מוטערס מוטער איז גיוועען פון יוסף: זאגט דיא גמרא מען זעהט פון

מיתרו אימא דאימיה מיוסף דיקא נמי דכתיב מבנות פוטיאל תרי ש"מ. אמר רב הנושא אשה צריך שיבדוק באחיה שנאמר (שם) ויקח אהרן את אלישבע בת עמינדב אחות נחשון ממשמע שנאמר בת עמינדב איני יודע שאחות נחשון היא מה ת"ל אחות נחשון מכאן לנושא אשה שצריך שיבדוק באחיה. תנא רוב בנים דומים לאחי האם:

(שופטים יח) ג ויסורו שם ויאמרו לו מי הביאך הלום ומה אתה עושה בזה ומה לך פה. אמרו לו לאו ממשה קא אתית דכתיב ביה (שמות ג) אל תקרב הלום. לאו ממשה קאתית דכתיב ביה (שם ד) מה זה בידך. לאו ממשה קאתית דכתיב ביה (דברים ה) ואתה פה עמוד עמדי ועכשיו תעשה כומר לע"ז אמר להם כך מקובלני מבית אבי אבא לעולם ישכיר אדם עצמו לעבו"ם ולא יצטרך לבריות והוא (אינו יודע מאי ע"ז) סבר לע"ז ממש ולא היא אלא עבודה זרה שזרה הימנו כדאמר ליה רב לרב כהנא נטוש

[ונראה בעיני דה"ג אלא אי אבוה דאימא מיוסף כו' ואימא של אם פנחס קאי וה"ק אי אבי אמה של אשת אלעזר מיוסף וכו' דהשתא הוה ליה לפנחס דור אחד רחוק מיתרו יותר מיהונתן]: פוטיאל תרי משמע. מדלא כתיב פוטאל בלא יו"ד הילכך ב' פוטיים דרשינן שפטפט ופיטם א"נ מדכתיב מבנות דמשמע מב' בנות של פיטם ופטפוט מדלא כתיב בת פוטיאל כך נראה בעיני: שיבדוק באחיה. שהבנים דומים לאחי האם כדלקמן: מלמד שבדק באחיה. לפי שהיתה אחות נחשון שהיה נשיא למטה יהודה ומתוך השיבתו לכך לקחה:
ויסורו שם וגו'. ביהונתן בן גרשום מיירי בפרשת מיכה ויאמרו לו שבט הדני שבאו שם: ישכיר אדם עצמו וכו'. אלא שלא יהיה לבו לע"ז: שהיא זרה לו. הוא חשוב והמלאכה נמבזה ומכוערת אלא שאין

פסוק אז אזו איז געווען; ווארום אין פסוק שטייט מבנות פיטיאל. אז פוטיאל ווארט מען מיינען גאר איינעם אדער יוסף אליין אדער יתרו אליין. וואלט גידארפט שטיין פוטאל. אן איו"ד. אז עס שטייט פוטיאל מיט איו"ד. מיינט מען צוויי מענטשין יוסף אונ יתרו; רבא האט גזאגט אז איינער נעמט אווייב דארף ער זעהן ווער אירע ברידער זענען. ווארום עס שטייט אין פסוק אהרן האט גינומען אווייב אלישבע דיא טאכטער פון עמינדב דיא שוועסטער פון נחשון. איז דאך אקשיא אז עס שטייט זיא איז דיא טאכטער פון עמינדב ווייס איך דען ניט אז זיא איז דיא שוועסטער פון נחשון. צו וואס שטייט אין פסוק אז זיא איז דיא שוועסטער פון נחשון נאר דער פסוק לערונט אונז אז איינער נעמט אווייב דארף ער זעהן וועט אירע ברידער זענען.
מיר האבען גילערונט דאס מערסטע קינדער זענען גלייך צו דער מוטערס ברידער:
ג ויסורו. דיא מענטשין פון שבט דן זענען אריין גיגאנגען צוא דעם יהונתן בן גרשום אונ האבען גזאגט צו אים מי הביאך הלום ווער האט דיך גיבראכט אהער ומה אתה עושה בזה אונ וואס טוהסטו דא ומה לך פה אונ וואס האסטו דא. פרעגט דיא גמרא וואס האבען זייא מיט אים אזו פיל גירעט. נאר זייא האבען גזאגט צו אים ביסטו דען ניט גיבארן פון משה רבינו וואס ביי אים שטייט דער ווארט הלום. אזו וויא עס שטייט אין פסוק אל תקרב הלום. נאך האבען זייא גזאגט צו אים ביסטו דען ניט גיבארן פון משה רבינו וואס ביי אים שטייט דער ווארט זה; אזו וויא עס שטייט אין פסוק מה זה בידך; נאך האבען זיי גזאגט צו אים ביסטו דען ניט גיבארן פון משה רבינו וואס ביי אים שטייט דער ווארט פה. אזו וויא עס שטייט אין פסוק ואתה פה עמוד עמדי. אונ איצט זאלסטו ווערין אכומר צו דיא עבודה זרה. האט דער יהונתן גזאגט צו זיי אזוי האב איך גילערונט פון מיין פאטערס פאטער אייביג זאל זיך אמענטש פאר דינגען אפילו צוא אעבודה זרה אונ ער זאל ניט דארפין מענטשין זאגן אים שיינקען. אונ יהונתן הט גמיינט אז עבודה זרה מיינט מען וואס מען דינט צו פרעמדע געטער. דריבער האט ער זיך פר דונגען צוא זיין אכומר צו דעם גאט וואס מיכה האט גימאכט. עס איז אבער ניט אזו עבודה זרה מיינט מען ארבעט וואס איז פרעמד צו אים. אמענטש זאל טאהן אזוי ארבעט וואס עס פאסט ניט פאר אים אונ ער זאל פאר דינגען. אונ ער זאל ניט בעטין מען זאל אים שיינקען. אזו וויא רב האט גזאגט צוא רב כהנא אז דוא וועסט דארפן געלט זאלסטו ניט גיין בעטין מען זאל דיר שיינקען. נאר דוא זאלסט זוכען ארבעט צו פאר דינגען אונ דו זאלסט אפ ציהען אנבלה אין גאס אונ זאלסט

נט ש גבלהא בשוקא ישקול אגר־א ולא תימא (כהנא אנא) וגברא רבא אנא וזילא בי מלתא כיון שראה דוד שממון חביב עליו ביותר שמו נגיד על האוצרות שנאמר (ד"ה א כו) ושבואל בן גר־שום בן מנשה נגיד על האוצרות וכי שבואל שמו והלא יהונתן שמו אמר רבי יוחנן ששב לאל בכל לבו :

(דף קיא) ד מסתמיך ואזיל ר' ינאי אכתפא דר' שמלאי שמעיה ואתי רבי יהודה נשיאה לאפייהו א"ל בר אינש דאתא לקבלנא הוא יאי וגולתיה יאי כי מטא לגביה גששיה א"ל דין שיעוריה כשק בעא מיניה מנין לבן שקודם לבת בנכסי האם א"ל דכתיב מטות מקיש מטה האם למטה האב מה מטה האב בן קודם לבת אף מטה האם בן קודם לבת א"ל אי מה מטה האב בכור נוטל פי שנים אף מטה האם בכור נוטל פי שנים (ע"ב) א"ל לשמעיה

גוד

פירוש

נס אימור : נטוש . רפשט : וטול אגרא . כלומר פשיטה בשכר בשוק נעין כל ואין כאן הלול השם כלל ולא קרינן ביה ולמבנאי אבזו מות דדרשינן ליה במס' שבת בפ"ח פיה רבב על בגדיו אבל נעשית מלאכה להתפרנס אין כאן גנאי : כ"ג ולא תימא גברא רבא אנא . ואית דגרסי נמי ולא תימא כהנא אנא כהן אני ותבוז וגנאי הוא לי הדבר : והלא יהונתן שמו . שלא היה לו לגרשום בנים אלא זה בלבד כדכתיב בדברי הימים וכמו גרשום שבואל כתוב : ששב אל ה' בכל לבבו . עכשיו שהיה לו ממון הרבה ולאי משום דכתיב ויהונתן בן גרשם בן מנשה הוא ובניו היו כהנים לשבט הדני עד יום גלות הארץ ואמרינן בפ"ע עד יום שגלה מטה דן ופסלו של מיכה עמו בן מפורש בפ' בתרא דברכות ירושלמי מתיבין ליה והכתיב עד יום גלות הארץ אמרו כיון שמת דוד עמד שלמה והחליף כל סנקליטין שלו והחליפו עמהם והזר וקלקולו הראשון בס"ד ונביא אחד זקן יושב בבית אל אמרין הוא הוא וקא בעי התם כומר לע"ז והאריך ימים ואמרינן ע"י שהיה עינו רעה בע"ז שלו כילד היה כד בם נייתי ליה תור או אמר או גדי לע"ז והוא אומר ליה פייסיה פלי והוא אומר מה מועלת לך לא אוכלת ולא שותה ולא מטיבה ולא מריעה . א"ל ואתה שמגיד א"ל זיל הייתי ליה הדא פינך דכולא ועבד ביעין עלוי ואגא אפיים לה ענך וכיון דאזל ליה אכיל לון אתא חד בר פחין וא"ל כן א"ל אם היא מועילה כלום מה את עביד הכא א"ל בגין חיי : כיון שראה דוד . נשבואל :

רבי ינאי . זקן היה ותשו עיניו מהות : א"ל . שמעיה דרבי ינאי : בר אינש דאתי לקבלנא הוא יאי . אדם הבא כנגדנו :
וגולתיה יאי . כלומר טליתו של ת"ח א"נ נאה ממש כדמוכח לקמיה דאמר דין שיעוריה כשק · גששיה . רבי ינאי גששיה דרבי יהודה נשיאה : דין שיעוריה כשק . כנגד עב וגרוע ושיעורו לקבל טומאה ד' טפחים על ד' טפחים כשק דהקן השק ד' על ד' כנגד ג' על ג' במס' שבת : א"ל . ר"י נשיאה לרבי ינאי בן קודם לבת כו': א"ל. ר"י נשיאה לר' ינאי אי מה מטה האב כו' : א"ל .

גמען פאר דינסט אדער פאר דיין ארבעט . אונ זאלסט ניט זאגן איך בין אכהן אונ איך בין אגרויסער למדן אונ עס פאסט ניט פאר מיר דיא זאך צו טאהן . וויא דוד המלך האט גיזעהן אז יהונתן האט זייער ליב געלט . האט ער איהם גימאכט ער זאל היטען ויא אוצרות פון מלך . אזו וויא עס שטייט אין פסוק אונ שבואל בן גרשום בן מנשה איז גיוועזן אשר אויף די אוצרות . הט ער דען גיהייסן שבואל ער הט דאך גיהייסן יהונתן הט רבי יוחנן גזאגט שבואל מאכט שב אל . ער האט תשובה גיטאהן צוא גאט מיט זיין גאנצען הארצען :

ד מסתמיך . רבי ינאי איז גיוועזן אאלטער מאן אונ די אויגען זיינע זענען גיוועזן טונקעל . אמאהל איז ער גיגאנגען אין גאס איז ער גיוועזן אן גילענט אויף דעם אקסיל פון זיין בדינער רבי שמלאי אונ רבי יהודה נשיאה איז גיגאנגען אנטקעגין זייא . האט רבי שמלאי גזאגט צו רבי ינאי דער מענטש וואס קעגין אונז גייט איז ער אשיינער אונ זיין קלייד איז אשיינע. וויא רבי יהודה איז גיקומען נעבין רבי ינאי . האט רבי ינאי אן גיטאפט דיא קלייד פון רבי יהודה אונ ער הט גזאגט אזו אקלייד איז דער שיעור טמא צו ווערין אזו וויא אזאק. דיא קלייד איז גראב וויא אזאק ואשטיקול פון אקלייד וואס איז גרוס דריי פינגער אויף דריי פינגער קען זיא שוין טמא ווערין אז זיא רירט אן אטומאה . אונ אזאק קען אנדערש ניט טמא ווערין סיידין ער איז גרויס פיר טפחים אויף פיר טפחים. הט רבי יהודה גיפרעגט ביי רבי ינאי אז אמוטער שטארבט אונ עס איז דא זיהן אונ טעכטער פון וואנען ווייסען מיר אז די זיהן ירשנען אין גאנצן איר פר מעגין אונ ניט די טעכטער . הט רבי ינאי גזאגט עס שטייט אין פסוק מטות מיינט מען צוויי משפחות. דיא משפחה פון פאטער אונ דיא משפחה פון דיא מוטער אונ מיר גלייכן דיא מוטער צום פאטער . אזו וויא ביי דעם פאטער אז ער שטארבט ירשנען אים דיא זיהן אונ ניט דיא טעכטער . אזוי דיא מוטער אז זיא שטארבט ירשנען איהר דיא זיהן ניט דיא טעכטער . האט רבי יהודה גזאגט צוא רבי ינאי דארפן מיר דאך זאגן אזו וויא אז דער פאטער שטארבט נעמט אבכור צוויי חלקים : אזו אז דיא מוטער שטארבט זאל אויך דער בכור נעמען

גוד לית דין צבי למילף:

(דף קטו) **ה** נת"ר בן אין לי וכו' (ע"ב) הא כיצד נחלה ממשמשת והולכת עד ראובן ולימא עד יעקב אמר אביי גמירי לא כלה שבטא. א"ר הונא אמר רב כל האומר תירש בת עם בת הבן אפילו נשיא ש בישראל אין שומעין לו שאינן אלא מעשה צדוקין דת ניא בעשרים וארבעה בטבת תבנא לדיננא שהיו צדוקים אומרים תירש בת עם בת הבן נטפל להם ר"י בן זכאי אמר להם שוטים מנין זה לכם ולא היה בהם אדם שהחזירו דבר חוץ מזקן אחד שהיה מפטפט כנגדו ואמר ומה בת בנו הבאה מכח בנו תירשנו בתו הבאה מכחו לא כ"ש קרא עליו מקרא זה (בראשית לו) אלה בני שעיר החורי יושבי הארץ לוטן ושובל וצבעון וענה וכתי' (שם) ואלה בני צבעון ואיה וענה (הוא ענה אשר מצא) אלא מלמד שבא צבעון על אמו והוליד ענה ודלמא תרי ענה הוו אמר רבה אמינא מלתא דלא אמרה שבור מלכא ומנו

רבי ינאי לשמעיה : גוד . משוך אותי והלך : לית דין רוצה למילף . אלא להקשות דברים שאינן צריכים כלומר דדבר קל הוא לתרץ כדלקמן :
כדתניא במגלת תענית דכתיב אלין יומיא דלא להתענאה בהון ומיירי בטבת וקתני : בעשרים וארבעה ביה תבנא לדיננא . שחזרו למשפטנו שראשון שהודו לנו הצדוקים : עם בת הבן . ומיהו עם בן הבן מודו דלא תירות : צדוק וביתוס תלמידי אנטיגנוס איש סוכו היו והיו שונין לתלמידיהם מה שקבלו מאנטיגנוס אל תהיו כעבדים וכו' וטעו התלמידים בכך שהיו סבורים דה"ק עה"ז למקום ולא שקבלו שכר ואמרו כמו שאין ממש בדבר זה כן כל דברי חכמים מיד פקרו בדברי חכמים ונקראו צדוקים ע"ש צדוק וביתוסים ע"ש ביתוס באבות דרבי נתן : קרא עליו מקרא זה . שאנו למדים ממנו שענה בנו של צבעון היה וקרי ליה בן שעיר וקאמר נמי יושבי הארץ כלומר שענה ירש ארץ שעיר אבי אביו נמצא שבני בנים יורשים נחלת האב כבנים עצמן וה"ה לבת בנו והלכך לא תירש הבת עם בת הבן כי כיון דהיא יורשת עם הבן : וכתיב ואלה בני צבעון וגו' . אלמא בנו היה ולעיל קרי לה אחיו : והוליד ממנה ענה . נמצא שהוא אחיו ובנו ואין לומר דבנו של צבעון היה והאי דקרי ליה בן שעיר נמי משום דהיה אחיו של צבעון אלא לאשמעינן דבני בנים הרי הם כבנים לנחלה דא"כ לא ניכתביה גבי צבעון אלא ודאי מדקאמר צבעון וענה תהיה הוא ומיהו מדכתיב יושבי הארץ שמעינן מהכא דבני בנים

צוויי הקקים: האט רבי ינאי געזאגט צו זיין בדינער ציה מיך אוועק פון באגען דער מענטש וויל ניט לערנען ער וויל נאר פרעגן קשיות:

ה תנו רבנן. דיא רבנן האבען גילערנט אז איינער שטארבט אן קינדער ירשען אים זיינע עלטערין וויין פאטער. אונ אז זיין פאטער איז גישטארבען. נאר זיין זיידע לעבט. ירשנט אים זיין זיידע אונ אז זיין זיידע איז אויך גישטארבען. נאר זיין עלטער זיידע לעבט. ירשנט אים זיין עלטער זיידע אונ אזו וויטער ביז ראובן. פאר וואס זאגט מען ניט ביז יעקב אוב ראובן איז אויך גישטארבען אונ יעקב לעבט. האט אביי געזאגט מיר האבען גילערנט אז עם וועט ניט פאר לענדט ווערין אשבט. דריבער קען ניט זיין אז ראובן זאל שטארבען אונ עס זאל פעלין אקינד ביי יעקב אבינו. רב הונא האט געזאגט פון רבם וועגן דער וואס זאגט אטאכטער זאל ירשענען גלייך מיט אזוהנס טאכטער. אפילו ער איז דער נשיא פון יודין. פאלגט מען אים ניט. וואדום דיא אפקורסים פסקנן אזו אדין. ווארום מיר האבען גילערנט דעם פיר אונ צוואנציגסטען טאג אין חודש טבת האבען מיר אונז אומגיקערט צו אונזער דין. ווארום דיא אפקורסים האבען געזאגט אז אטאכטער זאל ירשענען גלייך מיט אזוהנס טאכטער. האט רבי יוחנן בן זכאי זיך בהעפט צו דיא אפקורסים. אונ ער האט געזאגט צו זיי נארין פון וואנען ווייסט איר דעם דין אז אטאכטער זאל נעמען אגלייכען חלק מיט אזונס טאכטער. איז ניט גיוועזן צווישען דיא אפקורסים איין מענטש וואס זאל אים וויסען צו ענטפערין. נאר איין אלטער מאן האט געשטריטען געגין רבי יוחנן אונ האט געזאגט מאדאך דיא טאכטער פון זוהן וואס זיא קומט ירשענען דעם ווידין דורך איר פאטער. פסקת איר זיא זאל אים ירשענען. זיין אייגענע טאכטער וואס זיא קומט ירשענען איר פאטער געוויס דארף זיא אים ירשענען. האט רבי יוחנן אויף אים גילייענט דעם פסוק. דאס זענען דיא קינדער פון שעיר החורי די זיצער פון דיא לאנד לוטן אונ שובל אונ צבעון אונ ענה. איז ענה גיוועזן אברודער פון צבעון. אונ אין אנדערין פסוק שטייט דס זענען דיא קינדער פון צבעון. איה אונ ענה. איז דאך ענה גיוועזן אזוהן פון צבעון. נאר אזוי איז גיוועזן צבעון האט מנה גיוועזן מיט זיין מוטער אונ זיא האט גיבארען פון אים דעם ענה. איז ענה גיוועזן אזוהן פון צבעון אונ זיינער אברודער. פרעגט דיא גמרא טאמער זענען גיוועזן צוויי ענה.

ומנו שמואל וא"ר אמר רב פפא אמינא מלתא דלא אמרה שבור מלכא ומנו רבה אמר קרא הוא ענה הוא ענה דמעיקרא א"ל רבי בכך אתה פוטרני א"ל שוטה (דף קטו) ולא תהא תורה שלמה שלנו כשיחה בטלה שלכם מה לבת בנו שכן יפה כחה במקום האחים תאמר בבת שהורע כחה במקום אחים ונצחום ואותו היום עשאוהו יום טוב. (שופטים כא) ויאמרו ירושת פליטה לבנימן ולא ימחה שבט מישראל א"ר יצחק דבי ר' אמי מלמד שהתנו על שבט בנימין שלא תירש בת הבן עם האחים:

א"ר

הני הם הבנים לגרלה: אמר רבה אמינא כו' ומנו שמואל. ואפי' שהלכה כשתו בדינים קרי ליה הכי ושאת שם של מלך וכו': א"ד אמר רב פפא כו'. רבה ממי רבי שבור מלכא משום דהלכתא נמי כוותיה לבר מהדא מלין מעלה דהלכתא כרב יוסף: אתה פוטרני. בתמיה הוא. וה אי מודה לך דבן הבן יורש את זקנו ואפי' במקום הבת אבל בת הבן הוא דאצריך שתירש הבת עמה: לא תהא תורה שלמה שלנו וכו': איני רוצה לדחותך בקש ומיהו מעיקרא לא היה חפץ לגלות לו טעמו של דבר שאסור לגלות להם טעמי התורה: כשיחה בטלה שלכם. קל וחומר שאתם דנים מעצמכם שיש עליו תשובה: מה לבת בנו שיפה כחה במקום אחים. שיורשת במקום אביה כגון בנות צלפחד שירשו בנכסי חפר אבי אביהם עם בני חפר שנאמר נתון תתן להם אחוזת נחלה בתוך אחי אביהם: תאמר בבתו שהורע כחה אצל האחים. הכא שאינה יורשת עם אחיה בנכסי אביה כך אינה יורשת עם בת אחיה בוא וראה שבנות צלפחד ירשו בנכסי חפר ולא נטלו בני חפר ובנות חפר כל נכסי חפר נמצא בת הבן קודמת לבת דהיינו בנות צלפחד שקדמו לבנות חפר: ואותו היום. שנשאו כ"ד בשבת היה: שלא תירש בת הבן עם האחים. של בן אלא האחים ירשו כל נכסי האב ואפילו חלק שהיה ראוי לאחיהם המת לפי שבאותה מעשה דפלגש בגבעה מתו במלחמה כל שבט בנימין ואפילו הנשים כדכתיב מה נעשה לנותרים לנשים כי נשמדה מבנימין אשה

אַיין עֲנָה אִיז גִיוֶועֶן אַבְּרוּדֶער פוּן צִבְעוֹן: אוּנ אַיין עֲנָה אִיז גִיוֶועֶן אַזוּהן פוּן צִבְעוֹן. הָט רַבָּה גְזָאגְט אִיךְ הָאבּ גְזָאגְט אַזַאךְ וָואס אֲפִילוּ שְׁבוּר מַלְכָּא דָאס אִיז שְׁמוּאֵל הָאט דָאס אוֹיךְ נִיט גְזָאגְט. אַנדֶערֶע זָאגֶן רַב פָּפָּא הָאט דָאס גְזָאגְט אִיךְ הָאבּ גְזָאגְט אַזַאךְ וָואס אֲפִילוּ שְׁבוּר מַלְכָּא דָאס אִיז רַבָּה הָאט דָס אוֹיךְ נִיט גְזָאגְט. עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק הוּא עֲנָה. אִיז דֶר וָוארְט הוּא אִיבֶּערִיג. צוּ זָאגֶן הוּא עֲנָה דָאס אִיז דֶער זֶעלְבִּיגֶער עֲנָה וָואס שְׁטֵייט פְרִיעֶר: עֶס אִיז נָאר גִיוֶועֶן אַיין עֲנָה. אוּנ דֶער עֲנָה אִיז גִיוֶועֶן אַזוּהן פוּן צִבְעוֹן אוּנ זַיינֶער אַבְּרוּדֶער. וַוייל צִבְעוֹן הָט מְזַנֶה גִיוֶועֶן מִיט זַיין מוּטֶער. אִיז דָאךְ עֲנָה גִיוֶועֶן אַאֵיינִיקוּל פוּן שֵׂעִיר הַחוֹרִי. פַר וָואס רֶעכוּנְט אִים דֶער פָּסוּק צְווִישֶׁען דִי קִינְדֶער פוּן שֵׂעִיר הַחוֹרִי. גֶעוִויס צוּא וַוייזִין אַז אַאֵיינִיקוּל אִיז גְלַייךְ וִויא אַזוּהן. אוּנ זִיס שְׁטֵייט יוֹשְׁבֵי הָאָרֶץ זַיי זֶענֶען גִיוֶועֶן דִי זִיצֶער פוּן דֶעם לַאנְד. זַיי הָאבֶּן גֶעיַרְשֶׁת דִי לַאנְד פוּן דֶעם שֵׂעִיר הַחוֹרִי: אוּנ עֲנָה הָאט אוֹיךְ גֶעיַרְשֶׁת גְלַייךְ מִיט דִי זִיהן פוּן שֵׂעִיר הַחוֹרִי: זֶעהְן מִיר דָאךְ אַז אַאֵיינִיקוּל יַרְשֶׁת זַיין זֵיידִין גְלַייךְ וִויא עֶר וָואלְט גִיוֶועֶן אַזוּהן הָט דֶער אַלְטֶער גְזָאגְט צוּ רַבִּי יוֹחָנָן. רַבִּי מִיט דֶעם פָּסוּק מַאכְסְטוּ דִיךְ שׁוֹין פָּטוּר פוּן מִיר. אַז דֶער אֵיינִיקוּל אִיז אַזוּהן פוּן אַזוּהן. זָאגֶן מִיר אוֹיךְ וִויא דוּ. אַז דֶער אֵיינִיקוּל זָאל יַרְשֶׁנֶן דֶעם זֵיידִין אוּנ נִיט דִיא טָאכְטֶער פוּן זֵיידִין. מִיר זָאגֶן נָאר אוֹיבּ דֶער אֵיינִיקוּל אִיז אַטָאכְטֶער פוּן אַזוּהן. זָאל זִיא נִיט יַרְשֶׁנֶן דֶעם זֵיידִין נָאר דֶעם זֵיידִינְס טָאכְטֶער זָאל אִים יַרְשֶׁנֶן. הָט רַבִּי יוֹחָנָן גְזָאגְט צוּם אַלְטֶען. דוּא נַאר. אִיךְ וֶועל דִיר זָאגֶן דֶעם טַעַם פוּן דֶער זַאךְ: עֶס זָאל נִיט זַיין אוּנְזֶער גַאנְצֶע תּוֹרָה גְלַייךְ צוּ אַיירֶע לֵיידִיגֶע רֵייד. אִיר זָאגְט אַדִין אוּנ אִיר וֵוייסְט נִיט צוּא זָאגֶן אַטַעַם אוֹיף דֶער זַאךְ. אָבֶּער צוּ דֶעם דִין פוּן דֶער תּוֹרָה וֵוייסֶען מִיר אַטַעַם. וֵוייסְטוּ פַאר וָואס דִיא טָאכְטֶער פוּן אַזוּהן יַרְשֶׁת דֶעם זֵיידִין אֲפִילוּ דֶער זֵיידֶע הָט אַטָאכְטֶער. וַוייל דֶעם זוּהְנְס טָאכְטֶער הָאט אַכֹּחַ צוּ יַרְשֶׁנֶן דֶעם זֵיידִין אֲפִילוּ וואו דֶער פָאטֶער הָאט בְּרִידֶער וַאזוּ וִויא מִיר גֶעפִינֶען דִיא טֶעכְטֶער פוּן צְלָפְחָד הָאבֶּען גֶעיַרְשֶׁת זֵייעֶר פָאטֶערְס פָאטֶער חֵפֶר גְלַייךְ מִיט חֵפֶרְס זִיהן. זֶעהְן מִיר אַז אַטָאכְטֶער שְׁטֵייט אוֹיף אִיר פָאטֶערְס אָרְט. אָבֶּער אַטָאכְטֶער קֶען נִיט יַרְשֶׁנֶן אִיר פָאטֶר וואו זִיא הָאט בְּרִידֶער וֶדֶעם פָאטֶערְס זִיהן. הָאבֶּען דִיא חֲכָמִים אַיין גִינוּמֶען דִיא אַפִּיקוֹרְסִים. אוּנ דֶעם טָאג הָאבֶּען דִי חֲכָמִים גִימַאכְט יוֹם טוֹב. אִין פָּסוּק שְׁטֵייט וַיֹּאמְרוּ יְרוּשַּׁת פְּלֵיטָה לְבִנְיָמִין דִיא יוּדִין הָאבֶּען גְזָאגְט דִיא יְרוּשָּׁה זָאל זַיין צוּם אִיבֶּער בְּלַייבּוּנְג פוּן דֶעם שֵׁבֶט בִּנְיָמִין אוּנ עֶס זָאל נִיט אָפּ גִימֶעקְט וֶוערִין אַשֵׁבֶט פוּן דִיא יוּדֶן. רַבִּי יִצְחָק דְבֵי רַבִּי אַמִי הָאט גְזָאגְט דֶער פָּסוּק לֶערוּנְט אוּנְז זַייא הָאבֶּען אוֹיס גֶענוּמֶען אַתְּנַאי אוֹיף דֶעם שֵׁבֶט בִּנְיָמִין אַז דִיא טָאכְטֶער פוּן אַזוּהן

ו א"ר יוחנן משום רשב"י כל מי שאינו מניח בן ליורשו הקב"ה מלא עליו עברה כתיב הכא (במדבר כז) והעברתם את נחלתו וכתיב התם (צפניה א) יום עברה היום ההוא. (תהלים נה) אשר אין חליפות למו ולא יראו אלהים רבי יוחנן ורבי יהושע בן לוי חד אמר כל שאינו מניח בן וחד אמר כל מי שאינו מניח תלמיד. תסתיים דרבי יוחנן דאמר תלמיד דא"ר יוחנן דין גרמא דעשיר אה ביר תסתיים וכדר' יוחנן אמר

אשה ולא נותר מהם איש כי אם שש מאות איש שנשאו נשים ד' מאות מבנות יבש גלעד ומאתים שחטפו מבנות שילה ונמצאת כל ארץ בנימין לשש מאות איש לפיכך באותו שעה מגיע הרבה אחד מן הנחלה לאשה אחת שבאה לירש ואם תנשא לשבט אחר נמצאת נגרעת נחלת שבט בנימין לפיכך התקינו דהיכא דיש בנים יורשים את אביהם דלא מיעקרא נחלת בני המת שהנו שלא תירש בת הבן עמהם דהפקר ב"ד הפקר אבל אם לא הניח בנים אלא בנות גם בת הבן תירש עמהן דלא ניחא ליה למת ש העקר נחלתו מזרעו אי נמי היכא דאיכא בנות ובת הבן תירש בת הבן את כל הנכסים ומסתמא מזכרים שלא תבא לשבט אחר פן הסוב נחלה למטה אחר והכי משמע קרא ויאמרו נתת הירושה לפליטת בנימין כלומר לבנים הנקראים על שבט בנימין ולא לבת הבן שיכולה לינשא לשבט אחר ונעקרה הנחלה משבט בנימין :

מלא עליו עברה. פי' ר"ה כלומר שונא אותו : חליפות. חליפין ממלא מקומו : דין גרמא דעשיראה ביר . נשא אלא עצם של אחד מבניו וכו היה מנחם למרי נפש אבלים שהסן של מת אינו טמא דתנן באהלות פ"ג כל שבמת טמא חוץ מן השינים והשער והצפורן ובשעת חבורן הכל טמא וכיון דרבי יוחנן לא הניח בן אם איתא דס"ל דמי שלא הניח בן נקרא לא ירא אלהים לא היה אומר לבריות דין גרמא דעשיראה ביר דלמריק בעלמא אזיף איבו מאן דמפרסם חטאיה דכתיב אשרי נשוי פשע כסוי חטאה

זאל ניט ירשנן איר זיידין צו זאמען מיט איר פאטערס ברידער. נאר דיא ברידער פון איר פאטער זאלין נעמען דיא גאנצע ירושה. אפילו זייער גישטארבענעם ברודערס חלק זאלין זיי אויך נעמען. דיא ירושה זאל בלייבען ביי דעם שבט בנימין. ווארום אז אטאכטער ירשנת אונ זיא נעמט אמאן פון איין אנדער שבט. דער נאך אז דיא אשה שטארבט אונ דער מאן אדער אירע קינדער ירשנן איר: ווערט דאך צו גינומען איר חלק צו אאנדער שבט. אונ ווייל ביי דער צייט פון פלגש בגבעה וויא עס שטייט אין ספר שופטים קפיטל כא) איז געבליבען דער חלק ארץ ישראל פון שבט בנימין אין גאנצען צו זעקס הונדערט מענטשין. אונ אז אטאכטער וואלט ירשנן וואלט זיא גיהאט זייער אגרויסען חלק. אונ אז זיא וואלט נעמען אמאן פון אאנדער שבט וואלט דאך געבליבען אגרויסער חלק פון בנימין צו אפרעמדען שבט. דריבער האט מען גזאגט אז אטאכטער זאל ניט ירשנן. נאר דעם דין הט מען גזאגט וואו עס איז דא זיהן לעבעדיגע צו ירשנן זייער פאטער. אונ די טאכטער איז פון אגישטארבענעם זוהן. ירשנת זי ניט איר זיידין. אבער אז צו דר ירושה איז נאר דא טעכטער. ירשנן די טעכטער. אדער עס איז דא אטאכטער פון אגישטארבענעם זוהן. אונ איר פאטער האט ניט גילאזין קיין ברידער נאר שוועסטר. נעמט די טאכטער די גאנצע ירושה :

ו אמר. רבי יוחנן האט גיזאגט פון רבי שמעון בן יוחאים וועגין דער וואס שטארבט אונ לאזט ניט אזוהן ער זאל איהם ירשנן. ווערט גאט אויף איהם פול מיט כעס. ווארום דא שטייט והעברתם את נחלתו. אונ דארטין שטייט יום עברה היום ההוא. דער טאג וואס אמענטש שטארבט אונ זיין פארמעגין דארף איבער גיגעבין ווערין צו זיין טאכטער. ווייל ער האט ניט גילאזין אזוהן. דער טאג איז אצארענדיגער. וואס גאט צערינט אויף דעם מת. אין פסוק שטייט אשר אין חליפות למו. זייא האבין ניט ווער עס זאל זיין אויף זייער ארט. ווייל זייא האבין ניט מורא פאר גאט. ווער איז דער אומטאהשונג. אין דעם קריגט רבי יוחנן מיט רבי יהושע בן לוי. איינער זאגט דער מענטש וואס ער האט ניט מורא פאר גאט וועט ניט לאזין קיין זוהן אויף זיין ארט. אונ איינער זאגט ער וועט ניט לאזין קיין תלמיד אויף זיין ארט. זאגט דיא גמרא איך וועל דיר ברייגען אראיה אז רבי יוחנן זאגט דער וואס האט ניט מורא פאר גאט וועט ער ניט לאזין אתלמיד אויף זיין ארט. אבער דער וואס לאזט ניט אזוהן אויף זיין ארט קען פון דעסטוועגין זיין אז ער האט יא מורא פאר גאט. ווארום רבי יוחנן האט דאך געוויס מורא גיהאט פאר גאט. פון דעסטוועגין זענען בייא רבי יוחנן אויס גישטארבין אלע קינדער. ווארום רבי יוחנן האט געוויזען אביינדיל אונ ער האט גיזאגט דאס איז דער ביינדיל פון מיין צעהנטין זוהן וואס איז גישטארבין. פרעגט דיא גמרא אונ אז רבי יוחנן האט גיזאגט

תמהה : לא הוה עייל לבי טמיא. לבית כמת להתאבל עליו כדתנן בית מלא טמיא מלא מהים לפי שלא היה רוצה להתבטל מתלמודו: הא דידיה. דין גרמא וכו' דס"ל כריב"ל דאמר זה שלא הניח תלמיד : הא דרביה . מאי דאמר זה שלא הניח בן דרביה וליה לא ס"ל :

אמר תלמיד ר' יהושע בן לוי אמר בן והא רבי יהושע בן לוי לא אזיל לבי טמיא אלא למאן דשכיב בלא בני דכתיב (ירמיה כג) בכו בכה להולך ואמר רב יהודה אמר רב להולך בלא בן זכר אלא ר' יהושע בן לוי הוא דאמר תלמיד ומדר' יהושע בן לוי אמר תלמיד ר' יוחנן אמר בן קשיא דר' יוחנן אדר' יוחנן לא קשיא הא דידיה הא דרביה : דרש רבי פנחס בר חמא מ"ד (מ"א יא) והדד שמע במצרים כי שכב דוד עם אבותיו וכי מת יואב שר הצבא מפני מה בדוד נאמרה שכיבה וביואב נאמרה בו מיתה דוד שהניח בן נאמרה בו שכיבה יואב שלא הניח בן נאמרה בו מיתה ויואב לא הניח בן והכתיב (עזרא ח) מבני יואב עובדיה בן יחיאל אלא דוד שהניח בן כמותו נאמרה בו שכיבה יואב שלא הניח בן כמותו נאמרה בו מיתה :

דרש

דֶער וָואס לָאזְט נִיט אַתַּלְמִיד אִיז אַסִימָן אַז עֶר הָאט נִיט מוֹרָא פַאר גָאט. הָאט דָאךְ רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ בֶּן לֵוִי גִיזָאגְט דֶער וָואס לָאזְט נִיט אַזוּהן אִיז אַסִימָן אַז עֶר הָאט נִיט מוֹרָא פַאר גָאט. אִיז דָאךְ אַקַשְׁיָא רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ בֶּן לֵוִי פְלֶעגְט נִיט גֵיין צוּ אַמֵת טְרוֹיעֶרִין אוֹיף אִיהם. נָאר דֶער וָואס אִיז גִישְׁטָארְבִּין אָן קִינְדֶער. פְלֶעגְט רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ בֶּן לֵוִי יָא גֵיין טְרוֹיעֶרִין אוֹיף אִיהם. ווייל עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק בְּכוּ בָכוֹ לַהוֹלֵךְ. אִיהר זָאלְט ווייְנֶען צוּ דֶעם וָואס גֵייט. הָאט רַב יְהוּדָה גִיזָאגְט פוּן רַבס וֶוענִין מֶען מֵיינְט צוּ דֶעם וָואס גֵייט אַוֶועק פוּן דֶער וֶועלְט אָן אַזוּהן אַז מִיר וֶועלִין זָאגִין רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ בֶּן לֵוִי הַאלְט דֶער וָואס גֵייט אַוֶועק פוּן דֶער וֶועלְט אָן אַזוּהן אִיז אַסִימָן אַז עֶר הָאט נִיט מוֹרָא פַאר גָאט ; וִויא אַזוֹי אִיז רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ גִיגַאנְגֶען טְרוֹיעֶרִין אוֹיף אַזוֹי אַמֶענְטְשְׁין וָואס הָאט נִיט מוֹרָא פַאר גָאט. נָאר פַאר קֶערְט אִיז רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ בֶּן לֵוִי הָאט גִזָאגְט דֶער וָואס הָאט נִיט מוֹרָא פַאר גָאט וֶועט עֶר נִיט לָאזִין אַתַּלְמִיד אוֹיף זַיין אָרְט. פְרֶעגְט דִיא גְמָרָא אַז רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ בֶּן לֵוִי הָאט גִזָאגְט דֶער וָואס לָאזְט נִיט אַתַּלְמִיד אִיז אַסִימָן אַז עֶר הָאט נִיט מוֹרָא פַאר גָאט. הָאט דָאךְ רַבִּי יוֹחָנָן גִזָאגְט דֶער וָואס לָאזְט נִיט אַזוּהן אִיז אַסִימָן אַז עֶר הָאט נִיט מוֹרָא פַאר גָאט. אִיז דָאךְ אַקַשְׁיָא פוּן רַבִּי יוֹחָנָן אוֹיף רַבִּי יוֹחָנָן. פַאר וָואס זָעגְט בַּיי רַבִּי יוֹחָנָן אוֹיס גִישְׁטָארְבֶּען אַלֶע קִינְדֶער. רַבִּי יוֹחָנָן הָאט דָאךְ גֶעוִוים מוֹרָא גִיהַאט פַאר גָאט. זָאגְט דִי גְמָרָא עֶס אִיז נִיט קֵיין קַשְׁיָא. רַבִּי יוֹחָנָן אַלֵיין הַאלְט וִויא רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ בֶּן לֵוִי אַז דֶער וָואס הָאט נִיט מוֹרָא פַאר גָאט לָאזְט נִיט אַתַּלְמִיד אוֹיף דֶער וֶועלְט. אָבֶּער דֶער וָואס לָאזְט נִיט קֵיין קִינְדֶער קֶען פוּן דֶעסְטְוֶועגִין זַיין אַז עֶר הָאט יָא מוֹרָא פַאר גָאט. אַזוֹ וִויא בַּיי רַבִּי יוֹחָנָן אַלֵיין אִיז גִיוֶועזְן. עֶר הָאט דָאךְ גֶעוִוים מוֹרָא גִיהַאט פַאר גָאט. פוּן דֶעסְטְוֶועגִין זֶענֶען בַּיי אִים אוֹיס גִישְׁטָארְבֶּען אַלֶע קִינְדֶער. אוּנ דֶער רַבִּי פוּן רַבִּי יוֹחָנָן הַאלְט אַז דֶער וָואס שְׁטַארְבְּט אָן קִינְדֶער אִיז אַסִימָן אַז עֶר הָאט נִיט מוֹרָא גִיהַאט פַאר גָאט. אוּנ דֶער רַבִּי פוּן רַבִּי יוֹחָנָן קְרִיגְט מִיט רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ בֶּן לֵוִי. רַבִּי פִּינְחָס בַּר חָמָא הָאט גִידַרְשְׁנְט. עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק הֲדַד הָט גִיהֶערְט אִין מִצְרַיִם כִּי שָׁכַב דָוִד עִם אֲבוֹתָיו וְכִי מֵת יוֹאָב שַׂר הַצָּבָא. אַז דָוִד אִיז גִישְׁטָארְבֶּען מִיט זַיינֶע עֶלְטֶערִין אוּנ יוֹאָב דֶער שַׂר פוּן דֶעם חֵיל אִיז אוֹיךְ גִישְׁטָארְבֶּען. פַאר וָואס דֶעם שְׁטַארְבֶּן פוּן דָוִד רוּפְט דֶער פָּסוּק שְׁכִיבָה. אוּנ דֶעם שְׁטַארְבֶּען פוּן יוֹאָב רוּפְט דֶער פָּסוּק מִיתָה. ווייל דָוִד הָאט גִילָאזְין אַזוּהן רוּפְט מֶען זַיין שְׁטַארְבֶּן שְׁכִיבָה. לִיגְען. מֶען הָאט אִים גִילֵייגְט נֶעבִּין זַיינֶע עֶלְטֶערִין. אָבֶּער יוֹאָב הָאט נִיט גִילָאזִין אַזוּהן. רוּפְט מֶען זַיין שְׁטַארְבֶּן מִיתָה: פְרֶעגְט דִי גְמָרָא הָט דֶען יוֹאָב נִיט גִילָאזִין אַזוּהן. עֶס שְׁטֵייט דָאךְ אִין פָּסוּק דִיא קִינְדֶער פוּן יוֹאָב זֶענֶען גִיוֶועזְן עוֹבַדְיָה בֶּן יְחִיאֵל. נָאר אַזוֹ מֵיינְט מֶען ווייל דָוִד הָאט גִילָאזִין אַזוּהן אַזוֹ וִויא עֶר אִיז גִיוֶועזְן. רוּפְט מֶען זַיין שְׁטַארְבֶּן שְׁכִיבָה. לִיגֶען. מֶען הָאט אִים גִילֵייגְט נֶעבִּין זַיינֶע עֶלְטֶערִין. אוּנ יוֹאָב וָואס עֶר הָט נִיט גִילָאזִין אַזוּהן אַזוֹ וִויא עֶר אִיז גִיוֶועזְן. רוּפְט מֶען זַיין שְׁטַארְבֶּן מִיתָה:

ז דרש ר' פנחס בן חמא קשה עניות בתוך ביתו של אדם יותר מחמשים מכות שנא' (איוב יט) חנוני חנוני אתם רעי כי יד אלוה נגעה בי וקאמרי ליה [חבריו] (שם לו) השמר אל תפן אל און כי על זה בחרת מעוני:

ח דרש ר' פנחס בן חמא כל מי שיש לו (צער או) חולה בתוך ביתו ילך אצל חכם ויבקש עליו רחמים שנאמר (משלי טז) חמת מלך מלאכי מות ואיש חכם יכפרנה:

(דף קיז) **ט תניא** ר' יאשיה אומר ליוצאי מצרים נתחלקה הארץ שנאמר (במדבר כו) לשמות מטות אבותם ינחלו אלא מה אני מקיים (שם) לאלה

קשה עניות וכו'. וצריך למיבעי רחמי והגב גררא דדרשות דרבי פנחס נקטי ליה הכא: כי יד אלוה וגו'. היינו נ' מכות שהביא במצרים דכתיב אצבע אלהים היא לך עשר מכות נמצא לי ד שיש בה ה' אצבעות נ' מכות: אל תפן אל און. אל תהרהר אחר מדה הדין כי יש מצירים יותר ממך כי טוב לך הנ' מכות מעוני והרי יש לך כסף וזהב וקרקעות הרבה ועדיין הקב"ה מרחם עליך יותר מהרבה בני אדם שהם עניים:
חמת מלך. היינו נער שבאה לו חמה מאת המקום: מלאכי מות. היינו חולה שנוטה למות: יכפרנה. יקנחנה:

ליוצאי מצרים. כלומר לבאי הארץ נתחלקה כפי חשבון של יוצאי מצרים שנטלוה בתורת ירושה מאבותיהם דלפי חשבון הראשון שנמנו בבנה שנים לצאתם ממצרים נתחלקה הארץ כאילו ירשוה הם עצמם ומי שהיה לו עתה בביאת הארץ בן אחד נוטל כל חלקו ומי שהיו לו י' בנים נמי לא נטלו בין כולם אלא חלק אחד: שנא'. בפנחס בבאי הארץ כלוהו מנין דער בות מואב דכתיב בהו ובאלה לא היה איש מפקודי משה ואהרן וגו': לשמות מטות אבותם

ז דרש. רבי פינחס בן חמא הט גידרשת אז ביי אמענטשין אין שטוב איז דא ארעמקייט איז דאס ביי אים ערגער ווי מען וואלט אים גישלאגן פופציג מלקות. אזו ווי עס שטייט אין פסוק איוב דאס גזאגט איר גוטע פריינד מיינע האט רחמנות אויף מיר ווארום דיא האנט פון גאט האט אן גערירט אין מיר. אונ דיא מצריים זענען גישלאגן גיווארין מיט איין פינגער פון גאט צעהן מכות מיט די האנט פון גאט ווערט מען גישלאגן פופציג מכות. איז איוב גישלאגן גיווארין פופציג מכות. האבן די חברים פון איוב גזאגט צו איוב דו זאלסט דיך היטען צו ריידען געגין גאט. דו זאלסט דיך ניט קערין צו אונרעכט ווארום דס האסטו אויס דער ווילט פון ארעמקייט. ווייל דיר איז נאך בעסער ווי אנדערע מענטשין. ווס גאט הט זיי גישטראפט מער ווי דיר. ווייל דוא ביסט רייך אונ זיי זענין ארעם. זעהן מיר אז ארעמקייט איז ערגער ווי די פופציג מכות וואס איוב הט גיהאט:

ח דרש. רבי פינחס בן חמא הט גידרשת דער וואס האט אקראנקען ביי זיך אין שטוב. זאל ער גיין צו אחכם ווט ער בעטין צו גאט פון זיינעט וועגין ער זאל גיזונד ווערין. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק חמת מלך מלאכי מות. דער כעס פון מלך ופון גאטו זענען די שלוחים פון טויט. אז גאט איז אין כעס אויף אמענטשין שיקט ער אויף אים אקראנקייט אונ ער איז נאנט צום טויט: אבער דער חכם ווישט אפ דעם כעס פון גאט מיט זיין תפלה. אונ דר מענטש ווערט גיזונד:

ט תניא. מיר האבען גילערונט רבי יאשיה זאגט ארץ ישראל איז צו טיילט גיווארין נאך דעם חשבון פון דיא מענטשין וואס זענען ארויס גיגאנגען פון מצרים. ווייל ארץ ישראל איז גיגעבין גיווארין צו דיא מענטשין וואס זענין ארויס גיגאנגען פון מצרים. אונ דיא מענטשין וואס זענין אריין גיקומען אין ארץ ישראל האבען גיירשת ארץ ישראל פון דיא מענטשין ווס זענין ארויס גיגאנגען פון מצרים. אונ אז איינער איז ארויס גיגאנגען פון מצרים אונ ער האט גיהאט אין זוהן וואס ער איז אריין גיקומען אין ארץ ישראל. האט דער זוהן גיירשת דעם פאטערס חלק. אונ אז נאך איינער וואס איז ארויס גיגאנגען פון מצרים. האט גיהאט צעהן זיהן אונ זייא זענען אלע אריין גיקומען אין ארץ ישראל. האבען זייא אויך גיירשת זייער פאטערס חלק. אונ מיט דעם איין חלק האבען זיך צו טיילט אלע צעהן זיהן. האט דאך יענער איין זוהן גיהאט אזוי אגרויסען חלק וויא דיא אלע צעהן זיהן צו זאמען. ווארום עס שטייט אין פסוק לשמות מטות אבותם ינחלו. מען זאל צו טיילען ארץ ישראל צו די נעמען פון דיא שבטים ווס

לאלה תחלק הארץ בנחלה לאלה כאלה להוציא את הטפלים ר' יונתן אומר לבאי הארץ נתחלקה הארץ שנאמר לאלה תחלק הארץ בנחלה אלא מה אני מקיים לשמות מטות אבותם ינחלו משונה נחלה זו מכל נחלות שבעולם שכל נחלות שבעולם חיים יורשים מתים וכאן מתים יורשים חיים. אמר רבי אמשול לך משל למה הדבר דומה לשני אחים כהנים שהיו בעיר אחת לאחד יש לו בן אחד ולאחד יש לו שני

אבותם של אלו בכלמו בי"מ ינחלו אלו דלאותן יחלקו בנחלה ואלו אשר קמו תחתיהן יורשים: לאלה תחלק. דכתיב לעיל אלה פקודי בני ישראל שש מאות אלף ואלף שבע מאות ושלשים וסמיך ליה וידבר ה' אל משה לאמר לאלה תחלק הארץ אלמא לבאי הארץ נתחלקה: כאלה. שהם בני כ' דלבני כ' שיצאו ממצרים נתחלקה הארץ אבל לא לטפלים שיצאו פחות מבן כ' שלא נטלו חלק בארץ לא הם ולא בניהם אלא בזכות מורישיהם ואם לא היה להם שום מוריש שיצא ממצרים כגון שלא היה להם אב ולא דוד ואח שמתו במדבר בלא בנים אז לא נטלו חלק בארץ וכו': לבאי הארץ נתחלקה. לא ליוצאי מצרים דאין הולכין אחר היוצאין אלא אחר הנכנסים דראובן ושמעון שיצאו ממצרים והולידו בנים במדבר זה י' וזה א' אי הוה אזלינן בתר יוצאי מצרים היה נוטל זה כנגד כולם אבל עכשיו היו נוטלים י' חלקים והא' נוטל חלק אחד: אלא מה אני מקיים לשמות מטות אבותם. דמשמע דאחר יוצאי מצרים נמי יש לנו לחלק הנחלה. ומפרש ואזיל דלהכי מהני לשמות מטות אבותם ינחלו דלאחר שנטלו בני ראובן ושמעון י"א חלקים בארץ מחלקין אותם ביניהם לפי חשבון מטות אבותם כאילו ליוצאי מצרים דהיינו ראובן ושמעון אבותם נתחלקו בני י"א חלקים וכגון דהנהו יוצאי מצרים היו בני עשרים דומיא דבאי הארץ דקפיד קרא לענין נחלה א"י אבני כ' דכתיב לאלה והבנים אינן כי אם שלוחים בעלמא להביא לבניהן י"א חלקים וחוזרים לראובן ושמעון ומורישין לבניהם בניו של ראובן נוטלין מחצה מי"א חלקים ובנו של שמעון נוטל מחצה וכו': שני אחים כהנים. והנהו ביניהם לחלק כל התרומות הניתנות לשניהם בשוה:

עלז

זענין ארויס גיגאנגען פון מצרים. וואס זייא זענין גיוועזן דיא עלטערין פון דיא וואס גייען אריין אין ארץ ישראל. אונ דיא וואס גייען אריין אין ארץ ישראל זאלין זייא ירשנן ארץ ישראל פון זייערע עלטערין וואס זענען ארויס גיגאנגען פון מצרים. פרעגט דיא גמרא ווי אזו וועלין מיר מקיים זיין דעם פסוק לאלה תחלק הארץ בנחלה. צוא דיא מענטשין זאלסטו צוא טיילען דיא לאנד פאר אירושה. זעהן מיר דאך אז דיא לאנד איז צו טיילט גיווארין צו דיא מענטשין וואס זענען אריין גיקומען אין ארץ ישראל. ענפערט דיא גמרא לאלה מיינט מען כאלה. דיא לאנד איז טאקי צו טיילט גיווארין צו דיא מענטשין וועס זענין ארויס גיגאנגען פון מצרים: אבער ניט צו דיא קליינע קינדער וואס זענין ארויס גיגאנגען פון מצרים איז ארץ ישראל גיגעבין גיווארין. נאר צו אזעלכע מענטשין וואס זענען וויא דיא וואס קומען אריין אין ארץ ישראל דאס מיינט מען צו אזעלכע וואס זענין שוין אלט גיוועזן פון צוואנציג יאהר אונ ווייטער. רבי יונתן זאגט ארץ ישראל איז צו טיילט גיווארין צו דיא מענטשין וואס זענין אריין גיקומען אין ארץ ישראל. ווארום עס שטייט אין פסוק לאלה תחלק הארץ בנחלה. צו דיא מענטשין וואס קומען אריין אין ארץ ישראל זאלסטו צו טיילן דיא לאנד זייא זאלין זיא ירשנן. פרעגט דיא גמרא וויא אזו וועלין מיר מקיים זיין דעם פסוק לשמות מטות אבותם ינחלו. צו דיא נעמען פון די שבטים וואס זייא זענען גיוועזן זייערע עלטערין זאלין זייא ירשנן. זעהן מיר דאך אז ארץ ישראל דארף צו טיילט ווערין צו דיא מענטשין וואס זענין ארויס גיגאנגען פון מצרים. ענפערט דיא גמרא דיא ירושה פון ארץ ישראל איז גיענדערט פון אלע ירושות פון דער וועלט. ווארום אלע ירושות פון דער וועלט דיא לעבעדיגע ירשנן דיא טויטע. אונ דא דיא טויטע ירשנן דיא לעבעדיגע. רבי זאגט איך וועל דיר זאגין א משל צו וואס דאס איז גלייך. צוויא ברידער כהנים זענען גיוועזן אין איין שטאט. אונ זייא האבען צווישען זיך אפ גישמועסט אלע תרומות וואס מען וועט זייא געבין. זאלין זייא זיך גלייך צו טיילען. איין כהן האט גיהאט איין זוהן אונ דער אנדערער האט גיהאט צוויי זיהן. אונ דיא דריי זיהן זענין גיגאנגען צו דיא שייערס מען זאל זייא געבין תרומה. דער וואס האט גיהאט איין זוהן. האט דער זוהן גינומען איין חלק. אונ דער וואס האט גיהאט צוויי זיהן. האבען דיא צוויי זיהן גינומען צוויי חלקים. אונ זיי האבען גיברענגט דיא גאנצע תרומה צו זייערע פאטערס. אונ דיא פאטערס האבען צווישען זיך צוא טיילט דיא תרומה אויף צוויי גלייכע טיילען. איז אויס גיקומען דער וואס האט גיהאט איין זוהן הט גיהאט אזו פיל ת' ומה וויא דער וואס האט גיהאט צוויי זיהן. דא איז אויך אזו גיוועזן. למשל ראובן

שני בנים והלכו לגור; זה שיש לו בן אחד נוטל חלק אחד וזה שיש לו שני בנים נוטל ב׳ חלקים ומחזירין אצל אביהם וחוזרין וחולקין בשוה . ר׳ שמעון בן אלעזר אומר (ע"ב) לאלה ולאלה נתחלקה הארץ וכו׳ יהושע וכלב נטלו חלקם של מרגלים מתלוננים ועדת קרח לא היה להם חלק בארץ :

(דף קיח) ׳ וידברו בני יוסף את יהושע לאמר מדוע נתתה לי נהלה גורל אחד וחבל אחד ואני עם רב עד אשר עד כה ברכני ה׳ (יהושע יז) עצה טובה קמשמע לן דאיבעי ליה לאינש לאזדהורי מעינא בישא והיינו דקאמר להו יהושע דכתיב (שם) ויאמר אלהם יהושע אם עם רב אתה עלה לך היערה אמר להו לכו והחביאו עצמכם ביערים שלא תשלוט בכם עין רעה (ע"ב) אמרו ליה אנן כזרעא דיוסף דלא שלטא ביה עינא בישא דכתיב (בראשית מט) בן פורת יוסף בן פורת עלי עין וא"ר אבהו אל תקרי עלי עין אלא עולי עין רבי

עצה טובה קמ"ל. בשביל שלמדין אנו ממה שהשיב להם יהושע דמיבעי ליה לאינש להזמין עצמו לאזדהורי מעינא בישא להכי כתבו קרא לתואת בני יוסף: ויאמר אלהם יהושע. להוסיף נחלה א"א אך עצה טובה אני נותן לכם שאם אתם עם רב עלה לך היערה ובראת וכו׳ כרות היער והכנס לך שם בית מושבות כדכתיב ובראת אותהן בגרזנותם : אמרו ליה אנן מזרעא דיוסף וכו׳. והיינו דכתיב ויאמרו בני יוסף לא ימצא לנו ההר כלו׳ אין אנו חוששין לאותו הר דהיינו יער כדכתיב התם כי הר יהיה לך כי יער הוא: עולי עין. הם עולים ושולטים על העין ואין העין עולה עליהם :

אונ שמעון זענען ביידע ארויס גיגאנגען פון מצרים . אונ זייא זענען גישטארבען אין דער מדבר . ראובן האט גילאזין איין זוהן אונ שמעון האט גילאזין צעהן זיהן . דיא עלף קינדער זענען אריין גיקומען אין ארץ ישראל . אונ זייא האבען גינומען עלף חלקים . דער נאך ירשות ראובן אונ שמעון (דיא צוויי מתים) די עלף חלקים פון זייערע קינדער . אונ ראובן מיט שמעון צו טיילען צווישען זיך דיא עלף חלקים אויף צוויי גלייכע העלפטין . ראובן נעמט פינף מיט אהאלבין חלק אונ גיט אוועק זיין זוהן . אונ שמעון נעמט פינף מיט אהאלבין חלק אונ גיט אוועק זיינע צעהן זיהן : האט דער איין זוהן פון ראובן אזו פיל וויא דיא צעהן זיהן פון שמעון . רבי שמעון בן אלעזר זאגט צו ביידע איז צו טיילט גיווארין דיא לאנד . צוא דיא וואס זענען ארויס גיגאנגען פון מצרים אונ צוא דיא וואס זענען אריין גיקומען אין ארץ ישראל ועיין בגמרא . יהושע אונ כלב האבען גענומען דעם חלק פון דיא מרגלים : דיא קריגערס וואס זענען גיוועזן צווישען דיא יודין : אונ דיא מענטשין פון קרח (אזוי האט מען איצט גיערונט) האבען ניט גיהאט קיין חלק אין ארץ ישראל :

וידברו . דער פסוק זאגט דיא קינדער פון יוסף האבען גירעט צו יהושע אונ האבען גזאגט צו אים פאר וואס האסטו מיר גיגעבין איין גורל אונ איין חלק אונ איך בין דאך אגרויסע פאלק ביז אזו פיל האט מיך גאט גיבענשט . פרעגט דיא גמרא צו וואס דער ציילט אונז דער פסוק וואס דער שבט יוסף האט גירעט צוא יהושע . אונ וואס יהושע האט זייא גיענטפערט . נאר פון דעם וועט יעדער מענטש וויסען אגוטע עצה . אז אמענטש זאל זיך היטען פון אשלעכטע אויג . אז אמענטש איז רייך אדער ער האט פיל קינדער שיינע . זאל ער ניט ווייזין אונ ניט דער ציילען פאר מענטשין . נאר וואס ער קען בעהאלטען פון מענטשין . זאל ער בעהאלטען . ווארום מען קען געבין אעין הרע . דאס האט יהושע זייא גיענטפערט . אזו וויא עס שטייט אין פסוק יהושע האט גזאגט צוא זייא פאר גרעסערין אייער לאנד קען איך ניט . נאר אעצה וועל איך אייך געבין . אויב דוא ביסט פיל פאלק . גיי אריין אין וואלד . גייט בעהאלט אייך אין די וועלדער אונ האקט אויס דיא וועלדער אונ דארט זאלט איר באהען הייזער אונ וואוהנען . עס זאל אויף אייך ניט גיוועלטיגען אשלעכטע אויג . האבען זייא גזאגט צו יהושע מיר זענען דיא קינדער פון יוסף . אונ אויף יוסף גיוועלטיגט ניט אשלעכטע אויג . אזו וויא עס שטייט אין פסוק בן פורת יוסף בן פורת עלי עין . יוסף איז אקינד מיט חן . ער איז אקינד מיט חן אויף יעדער אויג . האט רבי אבהו גזאגט דוא זאלסט ניט לייענען עלי עין . אויף דעם אויג . נאר זאלסט לייענען עולי עין . ער גייט ארויף אויף דיא אויג . ער גיוועלטיגט אויף יענעמס אויג . זיא זאל ניט קענען אים

ר' יוסי בר חנינא אמר מהכא (שם מח) וידגו לרוב בקרב הארץ מה דגים שבים מים מכסים עליהם ואין העין שולטת בהם אף זרעו של יוסף אין העין שולטת בהם:

יא מרגלים יהושע וכלב נטלו חלקם מנא ה"מ אמר עולא דאמר קרא (במדבר יד) ויהושע בן נון וכלב בן יפנה חיו מן האנשים ההם מאי חיו אילימא חיו ממש והא כתיב קרא אחרינא (שם כו) ולא נותר מהם איש כי אם כלב בן יפנה ויהושע בן נון אלא מאי חיו שחיו מחלקם. מתלוננים ועדת קרח לא היה להם חלק בארץ והתניא מרגלים מתלוננים ועדת קרח יהושע וכלב נטלו חלקם ל"ק מר מקיש מתלוננים למרגלים מר לא מקיש מתלוננים למרגלים דתניא (שם כז) אבינו מת במדבר זה צלפחד והוא לא היה בתוך העדה זו עדת מרגלים הנועדים על ה' אלו מתלוננים בעדת קרח כמשמעו מר מקיש מתלוננים למרגלים ומר לא מקיש מתלוננים למרגלים וא"ל רב פפא לאביי ולמאן דמקיש מתלוננים למרגלים איכפול יהושע

פירוש: דכתיב קרא אחרינא. ותרי קראי למה לי גרסה במילי דה"ג: ל"ק מר מקיש מתלוננים למרגלים וכו' דתניא וכו'. ולקמן מפרש ליה: זה צלפחד. מלתא דפשיטא הוא דהא כתיב לעיל בנות צלפחד אלא אגב גררא דהך קאמר לה. ונראה בעיני דתנא מן הספרים דהכי קתני רישא דהך ברייתא בספרי אבינו מת במדבר ר"ע אומר נא' כאן מדבר ונא' להלן מדבר מה מדבר האמור כאן צלפחד אף מדבר האמור להלן צלפחד דמינה שמעינן דהיינו מקושש והוא לא היה בתוך העדה וגו' כי הכא: זו עדת מרגלים. דכתיב בהו עד מתי לעדה הרעה הזאת אשר המה מלינים עלי את הכאר: אלו מתלוננים. כדמפרש לקמן מתלוננים שבעדת קרח דכתיב בהו לכן אתה וכל עדתך הנועדים על ה' והאי דקאמר עדת קרח כמשמעו מסקנא דמלתא היא: מר מקיש. הואיל וכתבו בפסוק א' וכי היכי דירשו את המרגלים ירשו נמי את המתלוננים: ומר לא מקיש. לא חשיב להו מ' כיון דלא כתיב ביה

שלעכטס טאהן. רבי יוסי בר חנינא זאגט פון דעם פסוק וידגו לרוב בקרב הארץ. זייא זאלין זיין אין דעם לאנד אזו פיל וויא פיש. אזוי וויא דיא פיש וואס זענען אין ים בדעקט אויף זייא דיא וואסער אונ קיינער זעהט ניט וויא פיל זייא זענין, קען דאך דיא אויג פון אמענטשין ניט געוועלטיגען אויף זיי. צו פינערין זיי. אזו די קינדער פון יוסף קען ניט געוועלטיגען אויף זיי די אויג פון אמענטשין זיי צו מינערין:

יא מרגלים. פון וואנען ווייסען מיר אז יהושע אונ כלב האבען גינומען דעם חלק פון דיא מרגלים. עולא זאגט עס שטייט אין פסוק יהושע בן נון אונ כלב בן יפנה האבען גילעבט פון דיא מענטשין (פון דיא מרגלים). וואס מיינט מען זייא האבען גילעבט. מיר זאלין זאגן מען מיינט זייא האבען גילעבט אונ זענען ניט גישטארבען אזו וויא דיא מרגלים. דס שטייט דאך שוין אין איין אנדער פסוק. עס איז ניט געבליבען איין מענטש פון דיא מרגלים אלע זענען גישטארבען נאר כלב בן יפנה אונ יהושע בן נון זענען געבליבען לעבין. נאר וואס דען מיינט מען זייא האבען גילעבט פון זייער חלק. יהושע אונ כלב האבען צוא גינומען דעם חלק פון די מרגלים. פריער איז גישטאנען דיא קריגערס וואס זענין גיוועזען צווישען די יודין אונ די מענטשין פון קרח האבען ניט גיהאט קיין חלק אין ארץ ישראל. מיר האבען דאך גילערנט אז יהושע אונ כלב האבען גינומען דעם חלק פון דיא מרגלים אונ פון דיא קריגערס אונ פון די מענטשין פון קרח. ענפערט דיא גמרא עס איז ניט קיין קשיא דער איצטיגער תנא גלייכט דיא קריגערס צו דיא מרגלים. אזו וויא דיא מרגלים האבען גיהאט אחלק אין ארץ ישראל נאר יהושע מיט כלב האבען צו גינומען זייער חלק. אזו דיא קריגערס אונ דיא מענטשין פון קרח האבען אויך גיהאט אחלק אין ארץ ישראל. אונ יהושע מיט כלב האבען צו גינומען זייער חלק. אונ דער פריערדיגער תנא גלייכט ניט די קריגערס צו די מרגלים די מרגלים האבען גהאט אחלק אין ארץ ישראל אונ די קריגערס מיט דיא מענטשין פון קרח האבען ניט גיהאט קיין חלק אין ארץ ישראל. והארום מיר האבען גילערנט עס שטייט אין פסוק דיא טעכטער פון צלפחד האבען גזאגט אונזער פאטער איז גישטארבען אין דער מדבר. אונזער פאטער איז גיוועזען צלפחד. אונ ער איז ניט גיוועזען אין דער עדה. דאס מיינט מען ער איז ניט גיוועזען פון דיא מרגלים. אונ ער איז ניט גיוועזען פון דיא מענטשין וואס האבען זיך פאר זאמולט אויף גאט. דאס מיינט מען ער איז ניט גיוועזען פון דיא

יהושע וכלב ויורתי לכולה א"י א"ל מתלוננים שבעדת קרח קאמרינן :

(דף קיט) **יב א"ר** חדקא שמעון השקמוני היה לי חבר מתלמידי ר' עקיבא וכך היה ר' שמעון השקמוני אומר יודע היה משה רבינו שבנות צלפחד יורשות הן אבל לא היה יודע אם נוטלות חלק בבכורה אם לא וראויה היתה פרשת נחלות ליכתב ע"י משה אלא שזכו בנות צלפחד ונכתבה על ידן ויודע היה משה רבינו שהמקושש במיתה שנא' (שמות לא) מחלליה מות יומת אבל לא היה יודע באיזו מיתה הוא מת וראויה היתה פרשת מקושש שתכתב ע"י משה אלא שנתחייב מקושש ונכתבה על ידו ללמד (ע"כ) שמגלגלין זכות ע"י זכאי וחובה ע"י חייב :

ואי"ו בתוך העדה והנועדים : לכולה ארעא דישראל - לאו דוקא כולה אלא רובה כדכתיב וילונו העם על משה לאמר מה נשתה דבשלמא למ"ד דלא מקיש הכי כל שבט ושבט נהלו חלק קרוביהם מתלוננים שבשבטן אלא למ"ד דמקיש נגרעה נחלת כל שבט ושבט טובא ואכן קיימא לן ומקראי איכא למילף דאפילו חלק א' מאלף לא נטלו : יודע היה משה רבינו שבנות צלפחד יורשות הן - כמו בן שהרי דינים נצטוו במרה כדאמרינן בסנהדרין וכתיב שם שם לו חק ומשפט ומעשה דבנות צלפחד בערבות מואב היה בסוף המ' שנה ועוד דאיכא למילף מפרשת יבמין שהבת כבן כדכתיב ומת אחד מהם ובן אין לו עיין עליו דהא בנות צלפחד משם למדו כדלקמן אם כבן אמו נירש כבן ואם לאו תתיבם אמנו : וראויה היתה כו'. ולא תאמר אם לא דברו בנות צלפחד ולא נתחייב מקושש היו ב' פרשיות הללו חסרות מן התורה וה"נ איכא למימר שהרבה מצות חסרות מן התורה לפי שלא אירעו המעשים: שהמקושש במיתה . דהא ע"ג דכתיב כי לא פורש מה יעשה לו היינו שלא היה יודע אם בסקילה התמורה אם בחנק סקל : מגלגלין זכות . שהבנים והקרובים ירשו את קרוביהם: ע"י זכאי. בנות צלפחד: וחובה. סיימו סקילה שהתורה דנות לו לאדם לידון בחנק: ע"י חייב. מקושש:

קריגערס . אונ ער איז ניט געוועזן פון דיא מענטשין פון קרח ווען זייא האבען געקריגט אויף משה ; איין תנא גלייכט דיא קריגערס צוא דיא מרגלים. ווייל זייא שטייען אין איין פסוק אונ אזו וויא יהושע מיט כלב האבען געירשת דיא מרגלים אזוי האבען זייא געירשת דיא קריגערס אויך . אונ איין תנא גלייכט ניט דיא קריגערס צו דיא מרגלים (וויא פריער שטייט) . רב פפא האט גזאגט צו אביי דער וואס גלייכט דיא קריגערס צו די מרגלים ; אז אלע האבען גיהאט חלקים אין ארץ ישראל . אונ יהושע מיט כלב האבען צוא גינומען זייערע חלקים . האבען דען יהושע מיט כלב געירשת גאנץ ארץ ישראל . ווארום דיא יודין וואס פלעגין אלע מאהל קריגען אויף משה זענען גיוועזן זייער פיל . גאנץ ווייניג זענען גיוועזן דיא וואס האבען ניט געקריגט אויף משה. האט אביי גזאגט מען מיינט ניט אלע קריגערס . מען מיינט נאר דיא צוויי הונדערט מיט פופציג מענטשין וואס זענין גיוועזן מיט קרח אונ זייא האבען געקריגט אויף משה. זייערע חלקים האבען צו גינומען יהושע מיט כלב :

יב אמר ; רבי חדקא האט גזאגט שמעון השקמוני איז גיוועזן מיין חבר . אונ דער שמעון איז גיוועזן א תלמיד פון רבי עקיבא . אונ אזו האט רבי שמעון השקמוני גזאגט משה רבינו הט גיוואוסט אז דיא טעכטער פון צלפחד דארפען ירשנען זייער פאטערס חלק פון זייער זיידין חפר . נאר צלפחד איז גיוועזן א בכור האט משה רבינו ניט געוואוסט אויב זייא נעמען צווייא חלקים . דעם חלק בכורה אויך . אדער דעם חלק בכורה נעמען זייא ניט . זייא נעמען נאר איין חלק . אונ דיא פרשה פון ירשנען האט גידארפט געשריבען ווערין דורך משה ; נאר דיא טעכטער פון צלפחד האבען זוכה גיוועזן דיא פרשה זאל געשריבען ווערין דורך זייא . אונ משה רבינו האט גיוואוסט אז דער וואס האט געקליבען דיא האלץ אום שבת דארף מען אים הרגנן . ווארום עס שטייט אין פסוק דער וואס איז מחלל שבת זאל מען אים הרגנן . נאר משה הט ניט גיוואוסט מיט וועלכין טויט זאל מען אים הרגנן . אונ דיא פרשה פון דעם וואס האט געקליבען די האלץ אום שבת . האט גיבארפט געשריבען ווערין דורך משה ; נאר ווייל דער קלויבער האט פאר שולדיגט דריבער איז דיא פרשה געשריבען גיווארין דורך אים . די תורה לערונט אונז אז אגוטע זאך ווערט גיטאהן דורך אגוטען מענטשין (דריבער דיא פרשה פון ירשנען איז געשריבען גיווארין דורך די טעכטער פון צלפחד) אונ אשלעכטע זאך ווערט גטאהן דורך אשלעכטין מענטשין (דריבער דיא פרשה פון הרגנן אז מען איז מחלל שבת. איז געשריבען גיווארין דורך דעם וואס הט געקליבען דיא האלץ אום שבת) :

(שמות טו) **יג תבאמו ותטעו** בהר נחלתך תביאנו לא נאמר אלא תבאמו מלמד שמתנבאים ואינם יודעים מה מתנבאים. (במדבר כז) ותעמדנה לפני משה ולפני אלעזר הכהן ולפני הנשיאים וכל העדה אפשר עמדו לפני משה רבינו ולא אמר כלום לפני אלעזר הכהן ולא אמר כלום ועמדו לפני הנשיאים וכל העדה אלא סרס המקרא ודרשהו דברי ר' יאשיה אבא חנן אומר משום רבי אלעזר בבהמ"ד היו יושבים והלכו ועמדו לפני כולם במאי קא מיפלגי מר סבר חולקין כבוד לתלמיד במקום הרב ומר סבר אין חולקין. והלכתא **חולקין** והלכתא אין חולקין קשיא הלכתא אהלכתא לא קשיא הא

תבאונו. לאחרים משמע: אפשר עמדו לפני משה. והוא לא אמר כלום והלכו אח"כ לפני אלעזר משה לא שמא אלעזר מבין לו. ואפשר שאלעזר לא אמר כלום והלכו אח"כ לפני הנשיאים ואח"כ לפני העדה: ה"ג והלכו לפני הנשיאים וכל העדה אלא סרס המקרא. וכו' ול"ג הכא ולא אמרו כלום: **ודרשהו.** כלו' דרשהו כאילו כתוב למפרע והעמודנה לפני משה ומקמי משה עמדו לפני אלעזר וכו' והאי דלא כתיב ותעמודנה לפני העדה ולפני הנשיאים ולפני אלעזר ולפני משה היינו לפי שאינו רוצה להקדים בפסוק תלמיד לרב אלא א' ראשון חשוב: **בבית המדרש היו יושבין.** משה ואלעזר ונשיאי העדה: **ועמדו לפני כולם.** שאלו לכולן ביחד **וחלקו** כבוד לתלמידים במקום רבותיהם: **אבא חנן סבר חולקין.** דכל זה חשיבתו של רב הוא וניחא ליה: ור' יאשיה סבר אין חולקין. הלכך

יג תְּבִאֵמוֹ. משֶׁה מִיט דיא יודין ווען זייא האָבען גיזונגען דיא שִׁירָה פון אָז יָשִׁיר האָבען זייא גזאָגט תְּבִאֵמוֹ וְתִטָּעֵמוֹ בְּהַר נַחֲלָתְךָ. זייא האָבען נישט גזאָגט תְּבִיאֵנוּ וְתִטָּעֵנוּ. דוא זאָלסט אונז ברייגגען אונ זאָלסט אונז איין פלאַנצען. נאָר זייא האָבען גזאָגט תְּבִאֵמוֹ וְתִטָּעֵמוֹ. דוא זאָלסט אים ברייגגען אונ זאָלסט אים איין פלאַנצין. נאָר זייא האָבען נביאות גזאָגט אונ זייא האָבען ניט גיוואוסט וואָס זייערע נביאות איז. וואָרום זייא זענען ניט אַריין גיקומען אין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל. נאָר זייערע קינדער זענין אַריין גיקומען אין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל. אין פָּסוּק שטייט די טעכטער פון צְלָפְחָד האָבען זיך גישטעלט פאַר משֶׁה אונ פאַר אֶלְעָזָר הַכֹּהֵן אונ פאַר דיא נְשִׂיאִים אונ פאַר דיא גאַנצע עֵדָה. איז דאָך אַקַשְׁיָא אַז זייא זענין גישטאַנען פר משֶׁה אונ ער האָט ניט גיוואוסט צוא זאָגן: צוא וואָס זענין זייא גיגאַנגען פאַר אֶלְעָזָר. אַז משֶׁה האָט ניט גיוואוסט פון וואַנען וועט אֶלְעָזָר וויסען. אונ אַז זייא זענין גישטאַנען פאַר אֶלְעָזָר אונ אֶלְעָזָר האָט ניט גיוואוסט צוא וואָס זענין זייא גיגאַנגען פאַר דיא נְשִׂיאִים. אַז משֶׁה מיט אֶלְעָזָר ווייסען ניט פון וואַנען וועלין דיא נְשִׂיאִים וויסען. אונ אַז זייא זענין גישטאַנען פאַר דיא נְשִׂיאִים אונ דיא נְשִׂיאִים האָבען ניט געוואוסט. צו וואָס זענין זייא גיגאַנגען פאַר דיא גאַנצע עֵדָה. אַז משֶׁה אונ אֶלְעָזָר אונ דיא נְשִׂיאִים האָבען ניט געוואוסט פון וואַנען זאָלין דיא יודין וויסען: נאָר זאָלסט אום דרייען דעם פָּסוּק אונ זאָלסט אים דַרְשְׁנֶן. פריער זענין זייא גישטאַנען פאַר דיא עֵדָה. אונ אַז די עֵדָה האָט ניט גיוואוסט. זענין זייא גיגאַנגען צו דיא נְשִׂיאִים. אונ אַז דיא נְשִׂיאִים האָבען ניט גיוואוסט זענין זיי גיגאַנגען פאַר אֶלְעָזָר. אונ אַז אֶלְעָזָר האָט ניט גיוואוסט זענין זיי גיגאַנגען פאַר משֶׁה. אַזוֹ זאָגט רַבִּי יֹאשִׁיָה. אַבָּא חָנָן זאָגט פון רַבִּי אֶלְעָזָר'ס וועגין אַלע זענין גיזעסין אין בֵּית הַמִּדְרָשׁ אונ זיי זענין גישטאַנען פר אַלע מיט איין מאהל. אונ זיי האָבען גיפרעגט זייער שְׁאֵלָה פר אַלע מיט איין מאהל. אין וואָס קריגט רַבִּי יֹאשִׁיָה מיט אַבָּא חָנָן. אַבָּא חָנָן האַלט מען מעג געבין כָּבוֹד צו אַתַּלְמִיד אֲפִילוּ דער רַבִּי זיצט נעבין אים. דריבער האָבען דיא טעכטער פון צְלָפְחָד גימעגט פרעגין זייער שְׁאֵלָה פאַר דיא יודין אונ פאַר דיא נְשִׂיאִים אונ פאַר אֶלְעָזָר אונ פאַר משֶׁה. פאַר אַלע מיט איין מאהל. אונ רַבִּי יֹאשִׁיָה זאָגט מען טאָר ניט געבין כָּבוֹד צו אַתַּלְמִיד ווען דער רַבִּי זיצט נעבין אים. דריבער ווען אַלע וואָלטין גיזעסין צו זאַמען אין בֵּית הַמִּדְרָשׁ. וואָלטין זייא ניט גיטאָרט פרעגין דיא שְׁאֵלָה נאָר פאַר משֶׁה אַליין. נאָר מיר מוזין זאָגין אַז יעדער איז גיווען אויף אַבעזונדער אָרט. האָבען זיי גיפרעגט פריער פר די עֵדָה. דער נאָך פר דיא נְשִׂיאִים. דער נאָך פר אֶלְעָזָר. דער נאָך פר משֶׁה. אונ דער דין איז מען מעג געבין כָּבוֹד צו אַתַּלְמִיד ווען דער רַבִּי זיצט נעבין אים. אונ דער דין איז מען טאָר ניט געבין כָּבוֹד צו אַתַּלְמִיד ווען דער רַבִּי זיצט נעבין אים. איז דאָך אַקַשְׁיָא איין דין אויף דעם אַנדערין דין. זאָגט דיא

הא דפליג ליה רביה יקרא הא דלא פליג ליה רביה יקרא. תנא בנות צלפחד חכמניות היו דרשניות היו צדקניות היו חכמניות היו שלפי שעה דברו דא"ר שמואל בר רב יצחק אותו היום היה משה רבינו יושב ודורש בפרשת ובמין אמרו לו אם כבן אנו חשובים נירש כבן ואם לאו התיבם אמנו מיד (במדבר כז) ויקרב משה את משפטן לפני ה'. דרשניות היו שהיו אומרות אילו היה לו בן לא דברנו והתניא בת א"ר ירמיה סמי מכאן בת אביי אמר אפילו היה בת לבן לא דברנו. צדקניות היו שלא נשאו אלא להגון להם:
יד תניא ר' אליעזר בן יעקב אומר אפילו קטנה שבהן לא נישאת פחותה מארבעים שנה
איני

מסרב המקרא: הא דפליג ליה רביה. לתלמיד יקרא והאי ניחא ליה שיחלקו לו גם אחרים כבוד ומשה רבינו ודאי הוה פליג יקרא לכל ישראל וכן זה לזה: חכמניות. בדרך ארץ: לפי השעה דברו. כשבאו פתח לדבר היה באו בעלילה ובטענה מעליותא נב"ד כדמפרש ואזיל: בפרשת יבמין. ובן אין לו עיין עליו: אם כבן אנו. לפטור את אמנו מן היבום: נירש. שהרי היבם קם תחת אחיו לנחלה כדדרשינן ביבמות והבן מונעו מליבם ומלירש את אחיו ויורש הוא את אביו ואף הבת כן וסברא בעלמא היא: אילו היה לו בן. כדכתיב כי אין לו בן וכבר היו יודעים שהבן יורש את אביו שהרי כבר ניתנה פרשת נחלות במרה כדאמרן לעיל ולא הוה מספקא להו אלא אם נוטלות חלק בכורה אם לאו נמצא שהיו יודעות לדרוש דהא דכתיב ובן אין לו והעברתם הא יש בן בן קודם לבת ולא כדא"ל רב פפא לאביי לעיל בפירקין: והתניא. אילו היתה בת לא כינו לא דברנו. והמקשה עצמו אינו יודע לפרשה: שאפילו בת לבן לא דברנו. שהיו יודעות לדרוש שבת הבן קודמת לבת: שלא נשאו אלא להגון להם. דאע"ג דהותרו לינשא לכל מי שירצו כדאמרינן לקמן דכתיב לטוב בעיניהם תהיינה לנשים ומה אני מקיים אך למשפחת מטה וגו' עצה טובה השיאן הכתוב שלא ינשאו אלא למשפחת מטה אביהן שהיו הגונים וכן עשו דאשכחן שנשאו להם דכתיב ותהיינה מחלה ונועה וגו' לבני דודיהן לנשים:
לא נשאת פחותה ממ'. שהיו מצפות להגון להם:　　טוב

גמרא. עס איז גיט קיין קשיא. אז דער רבי אליין גיט אויך כבוד צום תלמיד. מעג איין אנדערער אויך געבין כבוד צום תלמיד. אפילו דער רבי זיצט נעבין אים: אונ אויב דער רבי אליין גיט גיט קיין כבוד צום תלמיד. טאר איין אנדערער אויך ניט געבין כבוד צום תלמיד ווען דער רבי זיצט נעבין אים. אונ משה רבינו פלעגט געבין כבוד צו אלע יודין זיינע תלמידים. דריבער האבען די טעכטער פון צלפחד אויך גימעגט געבין כבוד צו אלע יודין אפילו משה איז גיזעסן נעבין זיי: מיר האבען גילערונט די טעכטער פון צלפחד זענין גיוועזן קלוגע. אונ האבען גיקענט דרשנן. אונ זענין גיוועזן פרומע. פון וואנען ווייסען מיר אז זייא זענין גיוועזן קלוגע. וויל זיי האבען גירעט זייערע רייד צו דער צייט. וואָרום רב שמואל בר רב יצחק הט גזאגט דעם טאג איז משה רבינו גיזעסן אונ האט גידרשת די פרשה פון יבמין: האבען זייא גזאגט צו משה אויב מיר זענין גירעכונט ווי אזוהן: זאלין מיר ירשנן ווי אזוהן. אונ אויב מיר זענען ניט גירעכונט וויא אזוהן. זאל אונזער מוטער דארפין מיובם ווערין צוא אונזער פאמערס ברודער. הט משה באלד גיבראכט זייערע רייד פר גאט. פון וואנען ווייסען מיר אז זיי האבען גיקענט דרשנן. ווארום זייא האבען גזאגט ווען אונזער פאטער וואלט גילאזין אזוהן. וואלטין מיר גאר ניט גירעט. וויל מיר ווייסען אז זיהן דארפין ירשנן ניט טעכטער. אבער אז קיין זיהן איז ניטא דארפין מיר טעכטער ירשנן. פרעגט דיא גמרא מיר האבען דאך גילערונט בת. אז זיי האבען גזאגט ווען אונזער פאטער וואלט גיהאט אטאכטער וואלטין מיר ניט פאר לאנגט צו ירשנן. הט רבי ירמיה גזאגט נעם צו פון דאנען דעם ווארט בת. זיי האבען גאר ניט גזאגט ווען אונזער פאטער וואלט גיהאט אטאכטער וואלטין מיר ניט פר לאנגט צו ירשנן. אביי זאגט אז האבען זיי גזאגט אפילו אונזער פאטער וואלט גיהאט אגישטארבענעם זוהן אונ דער זוהן וואלט גילאזין אטאכטער וואלטין מיר גאר ניט גירעט מיר זאלן ירשנן. וויל מיר ווייסען אז דעם זוהנס טאכטער דארף ירשנן אין גאנצין אונ מיר דארפין גאר ניט ירשנן. פון וואנען ווייסען מיר אז זייא זענען גיוועזן פרומע. וויל זייא זענען ניט גינומען גיווארין פר ווייבער נאר צוא אזעלכע וואס האט גיפאסט צוא זייער יחוס. זייא האבען חתונה גיהאט מיט זייער פעטערס קינדער:

יד תניא: מיר האבין גילערונט רבי אליעזר בן יעקב זאגט אפילו דיא יינגסטע פון זיי האט ניט חתונה גיהאט פריער פאר פערציג יאהר. פרעגט דיא גמרא רב חסדא האט

איני והאמר רב חסדא נשאת פחותה מעשרים יולדת עד ששים בת עשרים יולדת עד ארבעים בת ארבעים שוב אינה יולדת אלא מתוך שצדקניות היו נעשה להן נס כיוכבד דכתיב (שמות ב) וילך איש מבית לוי ויקח את בת לוי (דף קכ) אפשר בת מאה ושלשים שנה היתה וקרי לה בת דא"ר חמא ברבי חנינא זו יוכבד שהורתה בדרך ולידתה בין החומות דכתיב (במדבר כו) אשר ילדה אותה ללוי במצרים לידתה במצרים והורתה שלא במצרים ואמאי קרי לה בת

אמר

שוב אינה יולדת. ואם נתעכבו עד מ' שנה לא היה אדם נושא אותן וגם למה נתעכבו עד מ' שנה מאחר שלא ילדו עוד: ומשני מתוך שצדקניות היו. בטחו בצדקתן שיפקדו: להן נס כיוכבד ולכך נתעכבו עד מ' שנה לינשא להגון כיוכבד שילדה אחר מ' ופיהן נשואים איכא למימר דהיה קודם מ': אפשר בת מאה ול'. כדלקמן: וקרי לה בת. אשה הוה ליה למכתב ומנא לן דבת ק"ל היתה: דא"ר חמא בר חנינא לקמן בפירקין דמיבעיא לן דבכללן אתה מונה ע' ובפרטן אי אתה מונה אלא ע' חסר א' וע"ז א"ר חמא בר חנינא זו יוכבד וכו' ובת לוי דקאמר קרא בת לוי ממש בתו של לוי והאי דלא קא חשיב לה בהדיא שלא באה למצרים אלא בבטן אמה: לידתה בין החומות. כלומר בתוך מצרים ומשום דקאמר בדרך גבי הורתה קאמר נמי בין החומות גבי לידתה: אבר ילדה. קרא יתירא דהא כתיב בבר בת לוי וישראל עמדו במצרים ר"י שנים שכן רמז יעקב לבניו רד"ו שמה ובכרו ובס"ע יליף לה מקראי נאמר לאברהם בברית בין הבתרים ידוע תדע כי גר יהיה זרעך בארץ לא להם איזה זרע זה יצחק שנאמר כי ביצחק יקרא לך זרע וביצחק הוא אומר ויצחק בן ששים שנה בלדת אותם ויעקב אמר לפרעה ימי שני מגורי שלשים ומאת שנה הרי ק"ץ ורד"ו שעמדו במצרים הרי ת' מלידת יצחק ואי אפשר לומר שכל ת' היו במצרים שהרי קהת היה

מיורדי

דאָך גיזאָגט דיא אִשָׁה וואס האט חֲתוּנָה פאר צוואנציג יאָהר. קען זיא האָבּין קינדער בּיז זעכציג יאָהר. דיא וואס האט חתונה צו צוואנציג יאהר. קען זיא האָבּין קינדער בּיז פערציג יאָהר. דיא וואס האט חתונה צו פערציג יאָהר. וועט זיא שוין ניט האָבּין קיין קינדער. צוא וואס האָבּין דיא טעכטער פון צְלָפְחָד גיוואַרט בּיז פערציג יאָהר. ענטפערט דיא גְמָרָא ווייל זיי זענען גיוועזן פרומע האָבּין זייא גיוואוסט אז צו זייא וועט גיטאָהן ווערין אַנֵס אַזוי וויא צוא יוכבד. אונ זייא וועלין האָבּין קינדער אַפִילוּ זייא וועלין חתונה האָבּין צו פערציג יאָהר. וואָרום עס שטייט אין פָּסוּק אַמענטש איז גיגאַנגען פון לֵוִים שטוּב אונ ער האָט חתונה גיהאַט מיט דיא טאָכטער פון לֵוִי (דאָס מיינט מען עַמְרָם וואס ער האָט חתונה גיהאט מיט יוֹכֶבֶר). פרעגט דיא גְמָרָא דער שטייגער איז בּיי דער וועלט אַאִשָׁה ווען זיא איז יונג אונ קיינער קען איהר ניט. רופט מען איהר ניט מיט איהר נאָמען נאָר מען רופט איהר מיט דעם פאטערס נאָמען. זיא איז דעם מענטשינס טאכטער. אָבּער אַז זיא ווערט עלטער אונ איהר נאָמען אַליין ווערט אוֹיךְ בּעקאַנט. רופט מען איהר ניט מיט איהר פאטערס נאָמען נאָר מיט איהר אייגענעם נאָמען. אונ יוֹכֶבֶד איז בּייא דער צייט אַלט גיוועזן הונדערט מיט דרייסיג יאָהר. איז דאָךְ שוין איהר אייגענער נאָמען גיוועזן בּעקאַנט. האט דער פסוק בּעדאַרפט זאָגין ער האָט חתונה גיהאט מיט יוֹכֶבֶד. פאר וואס רופט מען זיא ניט יוֹכֶבֶד נאָר מען רופט איהר דיא טאכטער פון לֵוִי. אונ פון וואַנען ווייסין מיר אַז זיא איז אַלט גיוועזן בּיי דער צייט הונדערט מיט דרייסיג יאָהר. וואָרום רַבִּי חָמָא בְּרַבִּי חֲנִינָא האָט גיזאָגט דאס איז יוכבד וואס איהר מוטער איז מיט איהר מְעוּבֶּרֶת גיוועזן ווען זייא זענען גיגאַנגען אין וועג פון כְּנַעַן צוּ מִצְרַיִם. אונ ווען זייא זענען גיקומען צווישען דיא מאהערין פון מִצְרַיִם איז זיא גיבּאַרין גיוואָרין. אַזוֹי וויא עס שטייט אין פָּסוּק זיא איז גיבּאַרין גיוואָרין צו לֵוִי אין מִצְרַיִם. גיבּאָרין איז זיא גיוואָרין אין מצרים. אָבּער מְעוּבֶּרֶת איז דיא מוטער מיט איהר גיוועזן אֵיידער זייא זענען אַריין גיקומען אין מִצְרַיִם. אונ אין מִצְרַיִם איז זיא מיט איהר נאָר ניט גיוועזן מעוּבֶּרֶת. וואָרום בּאַלד וויא מען קומט אַריין אין מִצְרַיִם צווישען דיא מאהערין וואס אַרום שטאט. איז זיא גיבּאָרין גיוואָרין. אונ דיא יוּדין זענען גיוועזן אין מִצְרַיִם צוויי הונדערט מיט צעהן יאָהר. איז דאָךְ גיוועזן פון דער צייט וואס יוֹכֶבֶד איז גיבּאָרין גיוואָרין בּיז דיא יוּדין זענען אַרוֹיס גיגאַנגען פון מִצְרַיִם. צווייא הונדערט מיט צעהן יאָהר. אונ משֶׁה דער זוהן פון יוֹכֶבֶד איז אַלְט גיוועזן אַכציג יאָהר ווען די יוּדען זענען אַרוֹיס גיגאַנגען פון מִצְרַיִם. אונ אַכציג צוּריק פון צווייא הונדערט מיט צעהן. בּלייבּט הונדערט מיט דרייסיג. איז דאָךְ זיין מוטער יוכבד אַלט גיוועזן הונדערט מיט דרייסיג יאָהר ווען ער איז גיבּאָרין גיוואָרין. אונ בּאַלד נאָךְ דיא חתונה איז משֶׁה

אמר רב יהודה בר (זב ינא) [זבידא] שנולדו לה סימני נערות נתעדן הבשר ונתפשטו הקמטים וחזר היופי למקומו. ויקח ויחזיר מיבעי ליה א"ר יהודה בר (זב נא) [זבידא] שעשה לה מעשה לקוחין הושיבה באפריון ואהרן ומרים משוררין לפניה ומלאכי השרת אומרים (תהלים קיג) אם הבנים שמחה להלן מנאן הכתוב דרך גדילתן וכאן דרך הכמתן מסייע ליה לר' אמי דא"ר אמי בישיבה הלך אחר הכמה במסיבה הלך

מיורדי מצרים כדכתיב ובני לוי גרשון קהת ומררי ושני חיי קהת קל"ג שנה ושני חיי עמרם קל"ז שנה ופ' של משה הרי ש"נ ה"כ מה ת"ל ועבדום וענו אותם ת' שנה אלא כל זמן שזרעך בארץ לא לכם ת' שנה נמצא יוכבד בת ק"ל שנה שהרי בתחלת ביאת מצרים נולדה ומשה בן שמונים שנה היה בצאתם ממצרים נמצאת כשילדתו ק"ל מר"י : נתעדן הבשר . כתינוק כנער קטן : ויחזיר מבעי ליה . שהרי עברו ימים רבים משלקחה שהרי כבר נולדו להם אהרן ומרים אלא שפירש עמרם ממנה מפני הגזרה שהיו משליכין זכוריהם ליאור ועכשיו החזירה מפני מרים שנתנבאה לו שעתיד בן לצאת מהם שיושיע את ישראל וכו' כדנפקא לן מדכתיב מרים הנביאה אחות אהרן בעוד שהיתה אחות אהרן ולא אחות משה שעדיין לא נולד היתה נביאה שנתנבאה על משה שעתיד להולד : משוררין . מתוך שמחה שעתיד משה לצאת מהם והיינו דכתיב לדעת מה יעשה לו מה יהיה בסוף נביאותה כדאיתא בסוטה : להלן . כשנשאו בנות צלפחד : מנאן הכתוב דרך גדולתן . דכתיב ותהיינה מחלה תרצה וחגלה ומלכה ונועה וגו' ומסתברא דכך נולדו כדכתיב לא יעשה כן במקומנו לתת הצעירה לפני הבכירה : וכאן . כשעמדו לפני משה : דרך חכמתן . כסדר שהן חכמות זו יותר מזו הקדימן הכתוב מחלה נועה חגלה מלכה ותרצה ומסברא אמרינן הכי דלא ליקשו קראי אהדדי : בישיבה . בין לדין בין לבאר ישיבות של תורה מושיבין את החכם למעלה מן הזקן וכדמפ' טעמיה לקמן שהחכם מופלג מכל חביריו בחכמה שהחכם הוא מאד בשביל אבל שהחכם הוא מעט מן הזקן אין מכבדין אותו יותר מן הזקן שהחכם קנה ומבנות צלפחד איכא למילף דגבי שאלת הדין מקדים הכתוב חכמה ההעה

גיבארין געווארין. איז דאך יוכבד אלט געוועזען צו דיא חתונה הונדערט מיט דרייסיג יאהר ; איז זיא דאך שוין געוועזען בעקאנט צווישען אלע יודין. האט מען דאך איהר שוין געקענט רופען ביי איהר אייגענעם נאמען. אונד דער פסוק רופט איהר דיא טאכטער פון לוי. האט רב יהודה בר זבידא געזאגט עס איז ביי איהר געבארין געווארין צייכונס פון אונגע מיידיל. דאס לייב איהרע איז גלאט געווארין. דיא קנייטשין זענען אויסגעגלייכט געווארין. אונד איהר שיינקייט איז צוריק געקומען. דריבער האט מען איהר גירופען דיא טאכטער פון לוי (אונד ניט יוכבד) אזוי וויא מען האט איהר גירופען אין איהר אמתר יוגענד. עס שטייט אין פסוק ויקח. ער האט איר גינומען אונד האט מיט איהר חתונה גיהאט. עס האט דאך גידארפט שטיין ער האט איהר צוריק גינומען. ווארום ער האט דאך שוין מיט איהר אמאהל חתונה גיהאט. אונד זיא איז שוין געוועזען זיין ווייב אונד ער האט מיט איהר גיהאט צוויי קינדער אהרן אונד מרים. נאר ווייל פרעה האט גוזר געוועזען אז אלע קינדער זכרים וואס וועלין געבארין ווערין זאל מען ווארפין אין וואסער. דריבער האט ער זיך אפ גישיידט פון איהר אונד האט איהר גיגט ; נאר ווייל מרים האט נביאות גיזאגט אז דיא מוטער וועט געבארין אזוהן וואס ער וועט אויסלייזין דיא יודין פון מצרים ודאס איז משה) דריבער האט דער פאטער מיט איהר צוריק חתונה גיהאטו. האט רבי יהודה בר זבידא גיזאגט ווייל עמרם האט איצט גיטאהן אזוי וויא צו אערשטע חתונה. ער האט איהר גיזעצט אונטער אחופה. אונד אהרן מיט מרים האבין גיזונגען פאר איהר. אונד דיא מלאכים האבין גיזאגט דעם פסוק אם הבנים שמחה. דיא מוטער פרייט זיך מיט איהרע קינדער. זאגט דיא גמרא דארטין ווען דיא טעכטער פון צלפחד האבין חתונה גיהאט רעכונט זייא דער פסוק נאך זייער עלטער. וועלכע עס איז גיוועזען עלטער דיא שטייט פריער. מחלה תרצה חגלה מלכה נועה. אונד דא ווען זייא זענען גישטאנען פאר משה רעכונט דער פסוק נאך זייער חכמה. וועלכע עס איז קליגער גיוועזען שטייט פריער. מחלה נועה חגלה מלכה תרצה. פון דאנען וועט זיין אראיה צו רבי אמי. ווארום רבי אמי האט גיזאגט ווען דיינים זיצען ביי אדין תורה אדער תלמידים זיצען אונד לערנען פאר זייער רבי. דארפין זיי זיצען נאך זייער חכמה. איינגער מאן אחכם דארף זיצען העכער פאר אאלטין מאן וואס איז ניט קיין חכם ; אונד אז מען זיצט ביי א אסעודה דארף מען זיצען נאך דעם עלטער. פריער זאל זיצען דער עלטערער דער נאך דער יינגערער. אפילו דער יינגערער איז מער חכם וויא דער עלטערער. רב אשי זאגט ווען זאל מען ביי אישיבה זיצען דער יינגערער פאר דעם עלטערין. אז דער יינגערער איז אגאנץ גרויסער

הלך אחר זקנה אמר רב אשי והוא דמופלג בחכמה והוא דמופלג בזקנה. תנא דבי רבי ישמעאל בנות צלפחד שקולות היו שנאמר (במדבר לו) ותהיינה הויה אחת לכולן:

(דף קכא) **טו תנן** התם אמר רשב"ג לא היו ימים טובים לישר אל כחמשה עשר באב וכיום הכפורים שבהן בנות ישראל יוצאות בכלי לבן שאולים שלא לבייש את מי שאין לה בשלמא יוה"כ יום

תחלה: במסיבה, של משתה וס"ס לנשואים: והוא דמופלג. החכם בחכמ' אז הלך אחר החכמה ולא אחר זקנה: והוא דמופלג בזקנה. הזקן מאד אז חולקין לו כבוד בבית המשתה יותר מן החכם אע"ג דמופלג שהוא חכם בהכמה כגון שהזקן חכם קצת אבל אם אינו מופלג בזקנה חכם שהוא מופלג קודם לכבודו במעינן מהכא דחכם מופלג וזקן מופלג שאינו חכם כ"כ כבחור בישיבה הלך אחר חכמה להושיב החכם בראש ולדבר תחלה ובמסיבה הלך אחר זקנה והיכא דחכם הוי מופלג בחכמה והזקן אינו מופלג בזקנה בכל מקום הנך אחר החכמה אפי' במסיבה והיכא דהזקן הוי מופלג בזקנה והח כם אינו מופלג בחכמה בכ"מ הלך אחר הזקנה ואפי' בישיבה הואיל והזקן חכם קצת אע"פ שהבחור חכם יותר ממנו והיכא דלא מופלג לא האי בחכמה ולא האי בזקנה נראה בעיני דבכ"מ הלך אחר זקנה אפי' בישיבה מדאמר רב אשי והוא דמופלג בחכמה והוא דמופלג בזקנה דהיכא דהוו תרווייהו מופלגין הולכין בישיבה אחר החכמה ובמסיבה אחר הזקנה מכלל דהיכא דלא הוי תרווייהו מופלגין לא האי ולא האי הולכין בכ"מ אחר אחד מהם ומדלא פירש היכא למימר דמסתמא הולכין אחר הזקן דבשביל שהבחור חכם קצת יותר ממנו אין לנו לבייש את הזקן והחכם אינו בוש בדבר דיודע הוא שבשביל זקנתו חולקין לו כבוד: שקולות היו. ולכך פעמים שהקדים זו לזו ופעמים איפכא כדדרשינן הוא אהרן ומשה הוא משה ואהרן למד ששקולין היו ולא תסייעיה לרב אמי:

תנן התם. במס' תענית ומשום דאמרינן לקמן יום שהותרו שבטים כו' נקט ליה: שאולים. שאפילו מי שיש לה היתה שואלת כדי שלא לבייש את השואלת מחמת שאין לה כדמפרש במסכת תענית בת מלך שואלת

חכם. אבער אז דער יינגערער איז ניט אגאנץ גרויסער חכם. אפילו ער איז מער חכם פר דעם עלטערין. זאל דער עלטערער זיצען פריער. און ווען זאל ביי אסעודה זיצען דער עלטערער פריער פר דעם יינגערין אפילו דער יינגערער איז מער חכם פאר דעם עלטערין. נאר אז דער עלטערער איז גאנץ אלט. אבער אז דער עלטערער איז ניט גאנץ אלט. ער איז נאר עלטער פאר דעם יינגערין. אויב דער יינגערער איז מער חכם פר דעם אלטען. זאל ער זיצען פריער פאר דעם אלטען; דער דין בלייבט אזוי וואו עס איז דא איונגער מאן אגאנץ גרויסער חכם; און אאלטער מאן וואס ער איז שוין גאנץ אלט און ער איז ניט אזוי אחכם. ויא דער יונגער מאן. אז זייא קומען ביידע צו אזיצונג פון תורה. דארף דער יונגער מאן זיצען דער ערשטער ביי דעם טיש און זיין דער ערשטער צום ריידין. און אז זייא קומען ביידע צו אסעודה. דארף דער אלטער מאן זיצען דער ערשטער ביי דעם טיש און אנהייבין דער ערשטער צו עסין. און אז דער יונגער מאן איז אגאנץ גרויסער חכם און דער אלטער מאן איז ניט אזוי שטארק אלט. זאל אלע מאהל זיצען דער חכם דער ערשטער ביי דעם טיש. אפילו ביי אסעודה אויך. און אז דער אלטער מאן איז גאנץ אלט. און דער יונגער מאן איז ניט אגאנץ גרויסער חכם. אפילו ער איז מער חכם פאר דעם אלטען (נאר דער אלטער איז אויך אביסול אחכם). זאל אלע מאהל זיצען דער אלטער דער ערשטער ביי דעם טיש. אפילו ביי אזיצונג פון תורה אויך. און אז דער אלטער איז ניט גאנץ אלט. און דער יונגער איז ניט אגאנץ גרויסער חכם. אפילו ער איז מער חכם פארין אלטען. זאל אלע מאל זיצען דר אלטר דר ערשטר ביי דעם טיש. אפילו ביי אזיצונג. פון תורה דבי רבי ישמעאל האט געלערנט די טעכטער פון צלפחד זענין געווען גלייכע חכמות. עס איז ניט געווען איינע קליגער וויא דיא אנדערע. דריבער אמאהל שטייט דיא פריער און אמאהל שטייט דיא פריער. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק ותהיינה. זיי זענין געווען אלע גלייך ווי איינס:

טו תנן התם; מיר האבען דארטען געלערנט אין דער מסכת תענית; רבן שמעון בן גמליאל האט געזאגט עס איז ניט געווען ביי יודין קיין גרעסערע ימים טובים ווי א דער פופצעהנטער טאג אין אב און יום כפור. אין דיא צוויי טעג פלעגין דיא יודישע טעכטער ארויס גיין גיקליידעט אין ווייסע קליידער גיבארגטע. אלע האבען גיבארגט קליידער איינע ביי דיא אנדערע. אפילו דיא וואס האט גיהאט איינענע קליידער האט אויך גיבארגט. מען זאל ניט וויסען ווער עס הט און ווער עס האט ניט. און דיא וואס האט ניט קיין איינענע קליידער וועט ניט פר שעמט ווערין. פרעגט דיא גמרא יום כפור איז געווען איום טוב וויל דעם טאג איז מען מוחל ד עבירות. און אין דעם טאג זענען גיגעבין גיווארין צו משה רבינו די אנדערע לוחות. אבער וואס פאר איום

יום סליחה ומחילה ויום שנתני בו לוחות האחרונות אלא ט"ו באב מאי היא אמר רב יהודה אמר שמואל יום שהותרו שבטים לבוא זה בזה מאי דרוש (במדבר לו) זה הדבר דבר זה לא יהא נוהג אלא בדור זה רבה בר בר חנה א"ר יוחנן יום שהותר שבט בנימין לבוא בקהל דכתיב (שופטים כא) ואיש ישראל נשבע במצפה לאמר איש ממנו לא יתן בתו לבנימין לאשה מאי דרוש ממנו ולא מבנינו. רב דימי בר יוסף אמר רב נחמן יום שכלו בו מתי מדבר דאמר מר עד שלא כלו מתי מדבר (ע"ג) לא היה דבור עם משה שנאמר (דברים ב) ויהי כאשר תמו כל אנשי המלחמה למות מקרב העם וסמיך ליה וידבר ה' אלי לאמר אלי היה הדבור

שהלא מבת כהן גדול כו': יום שניתנו לוחות האחרונות. כדתניא בס"ע משה עלה כו' בסיון לקבל לוחות הראשונות וירד בי"ז בתמוז דהיינו סוף מ' יום עלה בי"ח ובקש עליהם רחמים בשביל עון העגל שנאמר ואתנפל לפני ה' כראשונה ארבעים יום וארבעים לילה וגו' בכ"ט באב נתרצה המקום לישראל ואמר לו פסל לך שני לוחות וגו' עשה עוד מ' יום נ"ל באב עד י' בתשרי שנאמר ואנכי עמדתי בהר כימים הראשונים ארבעים וגו' ואז נתרצה המקום לישראל בשמחה והוריד משה לוחות האחרונות: יום שהותרו שבטים. הכי הוה קים להו: לבוא זה בזה. שהותרו להם הסבת נחלה שפסק אותו דור של באי הארץ שנאמר להם הסבת נחלה והשתא מיהא אם נשתיירו עדיין בני אדם שהיו באותו הדור הכי באיסורייהו קיימי אבל שאר בני אדם שלא היו באותו דור מותרים וי"מ יום שהותרו שבטים שהרי בט"ו באב כלו מתי מדבר כדלקמן וטעות הוא בידם שהרי לא לדור המדבר נאמר אלא לבאי הארץ בערבו. מותב בסוף הם' שנה: יום שהותר שבט בנימין. כל הנך אמוראי לא פליגי אלא מר גמיר הא מרביה ומר גמיר הא מרביה: שכלו בו מתי מדבר. במדרש איכה א"ר אבין יום שבטל בו החפר דא"ר לוי כל ערב תשעה באב היה כרוז יוצא כל העם יצאו להפור ויוצאין והופרין כוכין וישנין בהם ובשחרית הכרוז יוצא הבדלו החיים מתוך המתים ובודקין עצמן והנותרים ט"ו אלף ופרוטרוט בכל שנה כך עשו מ' שנה יום לשנה יום לשנה הרי מ' שנה בשנה האחרונה עשו כן בדקו עצמן ומצאו שלמים אמרו שמא טעינו בחשבון וכן בי' בו וכן בי"א ובי"ב ובי"ג ובי"ד עד דאתמלא סיהרא כיון דאתמלא סיהרא אמרו בטל הקב"ה אותה גזרה מעלינו ועשו משתה ושמחה וי"ט: דאמר מר וכו'. ולכך עשו ימי משתה ושמחה על הדבור שחזר למשה: לא היה דבור עם משה. פא"פ כבתחלה אבל אם הוצרכו לדבור כגון במעשה דקרח שהיה אחר מעשה המרגלים היה מדבר ע"י מלאך או באורים ותומים א"נ לא היה מדבר עמו אלא ע"י מעשה הצריך להם: אלי היה הדבור. דמצי למכתב ויאמר ה' אלי כדכתיב לעיל מיניה במותב ויאמר ה' אלי אל

טוב איז דער פופצעהנטער טאג אין אב. האט רב יהודה גזאגט פון שמואלס וועגן ווייל אין דעם טאג האט מען מתיר געווען אז אטאכטער האט גענומען אירושה פון איר פאטער וואס ער איז געווען (למשל) פון שבט ראובן. זיא זאל נעמען אמאן פון איין אנדער שבט (למשל) פון שבט שמעון. ווארום דער דור וואס איז אריין גיגאנגען אין ארץ ישראל און אטאכטער האט גינומען אירושה האט זיא ניט גיטארט נעמען אמאן פון איין אנדער שבט. עס זאל ניט איבער גיין אשטיק לאנד פון איין שבט צום אנדערין שבט. האבען דיא חכמים גידרשת ווייל ביא דעם דין שטייט זה הדבר: צו ווייזין אז דער דין איז נאר ביי דיא מענטשין וואס זענין אריין גיגאנגען אין ארץ ישראל. אבער דיא שפעטערדיגע דורות האט מען מתיר געווען דיא טאכטער וואס ירשת זאל נעמען אמאן פון איין אנדער שבט און דאס ערשטע מאהל וואס מען האט מתיר געווען איז געווען דער פופצעהנטער טאג אין אב. האט מען גימאכט דעם טאג איום טוב. רבה בר בר חנה האט גזאגט פון רבי יוחנן וועגין דריבער איז געווען דער פופצעהנטער טאג אין אב איום טוב ווייל אין דעם טאג האט מען מתיר געווען דעם שבט בנימין ער זאל נעמען ווייבער פון אנדערע יודישע שבטים. ווארום עס שטייט אין פסוק דיא יודין האבען געשווארין אין דעם ארט מצפה אז איין מענטש פון אונז זאל ניט געבען זיין טאכטער פאר אווייב צו דיא מענטשין פון שבט בנימין. האבען דיא יודין גידרשת נאר דער דור וואס האט געשווארין האבען ניט גיטארט געבען זייערע טעכטער צום שבט בנימין. אבער דיא קינדער זייערע מעגין געבען זייערע טעכטער צום שבט בנימין פאר ווייבער. און דאס ערשטע מאהל וואס מען האט מתיר געווען איז געווען דער פופצעהנטער טאג אין אב. האט מען גימאכט דעם טאג יום טוב. רב דימי בר יוסף האט גזאגט פון רב נחמנס וועגין דעם פופצעהנטען טאג אין אב האבען אויף גיהערט צו שטארבען אין דער מדבר דיא מענטשין וואס זענין ארויס גיגאנגען פון מצרים (און וויא עס שטייט אין דיא סדרה שלח לך). ווארום עס שטייט אין פסוק און עס איז געווען אז דיא אלע שטרייט מענטשין וואס זענען ארויס גיגאנגען פון מצרים האבען אויף גיהערט צו שטארבען פון דעם פאלק. באלד דער נאך האט משה גזאגט גאט האט גירעט צו מיר. משה האט גימיינט גאט האט

הדבור . עולא אמר יום שביטל בו הושע בן אלה פרדסאות שהושיב ירבעם בן נבט על הדרכים שלא יעלו ישראל לרגל רב מתנה אמר יום שניתנו הרוגי ביתר לקבורה דאמר רב מתנה אותו היום שנתנו הרוגי ביתר לקבורה תקנו ביבנה הטוב והמטיב הטוב שלא הסריחו והמטיב שניתנו לקבורה רבה ורב יוסף דאמרי תרווייהו יום שפוסקים בו מלכרות עצים למערכה דתניא ר' אליעזר הגדול אומר כיון שהגיע ט"ו באב תשש כחה של חמה ולא היו כורתים עצים למערכה אמר רב מנשה וקרו ליה יום תבר מגל מכאן ואילך דמוסיף יוסיף ושאינו מוסיף יסיף . מאי יסיף תני רב יוסף תקבריה אמיה :

אל הגר את מואב וגו' א"נ מדכתיב ויהי כאשר תמו קא דריש הכי ולאו ממשמעותא דקרא אלא מיתורא דויהי כאשר תמו כל דקרא יתירא הוא : יום שבטל הושע בן אלה פרדסאות . שומרים כדתניא בס"ע כשראה הושע בן אלה שגלו עגלי הזהב עמד והעביר פרדסאות שהושיב ירבעם בן נבט שלא יעלו ישראל לרגל שבכל מלכי ישראל הוא אומר וילך בחטאת ירבעם בן נבט וגו' אבל בהושע בן אלה כתיב רק לא כמלכי ישראל אשר היו לפניו : הרוגי ביתר . במס' גיטין : דאמר רב מתנה כו' . ולכך שמחו שזכו לקברם ולא הסריחו : ברכת הטוב והמטיב . שבברכות המזון תקנו אותו היום דמן התורה אינו אלא ג' ראשונות כדנפקא לן מהאי קרא וברכת את ה' אלהיך וגו' : מנין ועד ט"ו באב . היו כורתים עצים לצורך המערכה לכל השנה אבל מכאן ואילך תשש כחה של חמה ויש בעצים לחלוחית ומעלים עשן ומגדלים תולעת וכדאמרינן במדרש איכה רבי יעקב בר אחא בשם ר' יוסי אומר שנו כלה זמן קצילת עצים שכל עץ שנמצא בו תולעת פסול למזבח וכל עץ שהוא נקצץ אינו עושה תולעת ואותו היום שפסקו היו שמחים לפי שבאותו היום היו משלימין ומסיימין מצוה גדולה כזאת : יום תבר מגל . שהשברו הקרדומות שאין צורך בהן לחטוב עצים : מט"ו באב ואילך דמוסיף . מן הלילה על היום לשנות יוסיף ימים כדכתיב כי הוא חייך ואורך ימיך וגו' וכתיב כי אורך ימים ושנות חיים ושלום יוסיפו לך שמתוך שלילות מאריכין והימים מתקצרין צריך לעסוק בתלמודו גם בלילות ודלא מוסיף יסיף : מאי יסיף תני רב יוסף תקבריה אימיה . שימות בחצי ימיו כמו וזכרם לא יסיף מזרעם לשון כליה ולא גרסינן יאסף דא"כ מאי קא בעי הגמרא הא מלתא דפשיטא היא דיאסף לשון מיתה כדכתיב יאסף אהרן אל עמיו :

ה"ר

גירעט צו אים אזו ווי פריער איידער די יודען האבען געזינדיגט . צו וויזען אז דער בעס פון גאט אויף די יודען האט שוין אויף געהערט דריבער האט מען געמאכט דעם טאג יום טוב . עולא זאגט דעם פופצעהנטען טאג אין אב האט יהושע בן אלה צו גענומען די וועכטערס וואס ירבעם בן נבט האט געשטעלט אויף די וועגען מען זאל ניט לאזען די יודען אויף גיין אין ירושלים אויף יום טוב . דריבער האט מען געמאכט דעם טאג א יום טוב . רב מתנה זאגט דעם פופצעהנטען טאג אין אב האט דער קיסר פון רוים געגעבען ערלויבנים אז מען מעג בגראבען די אלע מענטשען וואס זענען געהרגה געווארען אין די שטאט ביתר . ווארום רב מתנה האט געזאגט דעם טאג וואס איז געגעבען געווארען די ערלויבנים צו בגראבען די מענטשען וואס זענען געהרגת געווארען אין די שטאט ביתר . האבען די חכמים געזאגט אין יבנה אז אין בענטשען זאל מען לויבען גאט אונ מען זאל זאגען הטוב והמטיב . הטוב . גאט איז גוט וואס די מתים זענען ניט פאר שטונקען געווארען . והמטיב . אונ גאט האט געטאהן גוטס מיט די מתים וואס מען הט געגעבען ערלויבנים מען זאל זייא בגראבען . דריבער הט מען געמאכט דעם פופצעהנטען טאג אין אב א יום טוב . רבה אונ רב יוסף זאגען ביידע דעם פופצעהנטען טאג אין אב האט מען אויף געהערט צו שניידען האלץ אין וואלד צום מזבח . ווארום מיר האבען געלערנט רבי אליעזר הגדול האט געזאגט ווי עס איז געקומען דער פופצעהנטער טאג אין אב איז שוואך געווארען די היץ פון די זוהן אונ זיא האט שוין ניט שטארק געטריקענט דריבער האט מען שוין אויף געהערט צו שניידען האלץ אין וואלד צום מזבח . רב מנשה זאגט דעם טאג האט מען גערופען יום תבר מגל . מען הט צו בראכען די העק ווייל מען האט שוין ניט געהאקט קיין האלץ אין וואלד צום מזבח . אונ ווייל מען האט אויס געלאזען אזו א גרויסע מצוה האט מען געמאכט דעם טאג יום טוב . פון דעם פופצעהנטען טאג אין אב אונ ווייטער ווייל די טעג ווערין קלענער אונ די נעכט ווערין גרעסער דער וואס מערט צו לערנען ביי נאכט וועט געמערט ווערין זיינע טעג אונ יאהרין אונ ער וועט לאנג לעבין . אונ דער וואס מערט ניט צו לערנען ביי נאכט . וועט ער ניט לאנג לעבין . וואס מיינט מען ער וועט ניט לאנג לעבין . רב יוסף הט געלערנט עס וואלט בעסער געוועזען אז די מוטער זיינע וואלט אים בגראבען ווען ער איז נאך קליין געוועזען :

טז ת"ר ז' קפלו את כל העולם כולו מתושלח ראה את אדם שם ראה את מתושלח. יעקב ראה את שם עמרם ראה את יעקב. אחיה השילוני ראה את עמרם. אליהו ראה אחיה השילוני ועדיין הוא קיים. ואחיה השילוני ראה את עמרם. והכתיב (במדבר כו) ולא נותר מהם איש כי אם כלב בן יפונה ויהושע בן נון אמר רב המנונא לא נגזרה גזרה על שבטו של לוי דכתי' (שם יד) במדבר הזה יפלו פגריכם וכל פקודיכם לכל מספרכם מבן עשרים שנה ומעלה מי שפקודיו מבן עשרים (שנה ומעלה) יצא שבטו של לוי שפקודיו מבן שלשים. ומשאר שבטים לא עייל והתניא יאיר בן מנשה ומכיר בן

ת"ר כו' ברייתא היא בס"ע ומשום דמיירי בכלב ויהושע לקמיה נקט ליה א"נ משום דאמרינן לעיל דמוסיף יוסיף ובא להודיענו שאלו שבעה מתוך שצדיקים היו ועסקו בתורה חיו כל כך: קפלו את כל העולם. כלומר שבגופו והקיפוהו שנתקפל העולם ביניהם וכל אלו השבעה שמשו זה את זה כדקתני לעיל מיניה בס"ע גמלא אומר שבימים יעקב את שם כ' שנה שם שמש את מתושלח נ"ח שנה מתושלח שמש את אדם הראשון רמ"ג שנה ומתשבון שנות הדורות הכתובים בפר' זה ספר תולדות דור אחר דור יש ללמוד כל זה מתושלח לא מת עד תיכף למבול כדאמרינן בחלק ויהי לשבעת הימים גו' אלו שבעה ימי אבלו של מתושלח וכבר היה שם בן צ"ח שנה כדכתיב שם בן מאת שנה ויולד את ארפכשד שנתים אחר המבול ולמך נמי ראה את אדם הראשון ואת שם אלא צדיקים גמורים קא חשיב שמשו זה את זה כדפי' לעיל והאי תנא לא סבירא ליה חנוך זה מטטרון דהוה"ל שנים קפלו את כל העולם דהאי תנא דס"ע

הוא וס"ל דהאי ואיננו כי לקח אותו אלהים היינו שמת בחצי ימיו וכדקתני התם חנוך קבר את אדם הראשון והוא ושם היה אחריו נ"ו שנה מתושלח הוליא בנותיו עד המבול: עמרם ראה את יעקב. סברא היא שהרי קהת אביו מיורדי מצרים הוה דכתיב ובני לוי גרשון קהת ומררי ויחי יעקב בארץ מצרים שבע עשרה שנה ובאותן י"ז נולד עמרם לקהת שהרי בנו הראשון היה דכתיב ובני קהת עמרם ויצהר: ואחיה השילוני ראה את עמרם ואליהו ראה את אחיה. גמרא האי תנא נא ס"ל אליהו זה פנחס דאם איתא לימא משה ראה את עמרם פנחס ראה את משה ועדיין הוא קיים ולא איצטריך לאחיה כלל: והכתיב ולא נותר מהם איש. ואחיה השילוני הנבא בימי ירבעם ואם איתא דראה את עמרם כשמצרים היאך יצא ממדבר וכא לו לארץ והלא כל ימי יעקב במצרים י"ז שנה ועמרם ראה את יעקב לכל הפחות יום אחד ושני חיי עמרם קל"ז הרי קנ"ד שנים ואחיה ראה את עמרם כמה שני לאו ממתים ועבר אחרי מות עמרם כ"ו שנה הרי לכל הפחות היה אחיה השילוני בן כ"ו שנה בצאתם ממצרים ושמא יותר כגון שנולד בימות עמרם הרבה: אחיה השילוני לוי היה. כדכתיב בדברי הימים והלוים אחיה על אוצרות בית האלהים: שפקודיו מבן שלשים יום. שהרי הלוים נמנים מבן חדש ומעלה לפדות עודפי הבכורות כדכתיב מבן חדש ומעלה תפקדם ולא נהירא לי דאם כן הוי ליה למימר יצא שבטו של לוי שפקודיו מבן חדש אלא האי ל' היינו שלשים שנה כדכתיב בני גרשון קהת ומררי מבן שלשים שנה ועד בן נ' שנה והיא חשבון נקט שאותו חשבון כנגד חשבון של ישראל הוא דביוצאי צבא קפיד רחמנא דבישראל כתיב כל יוצאי צבא ובלוים כתיב מבן שלשים שנה וגו' כל הבא לצבא וגו': ומשאר שבטים לא עייל. מיוצאי מצרים לארץ בהמיה

טז תנו רבנן · דיא רבנן האבען גילערנט זיבען מענטשען האבען ארום גענומען דיא גאנצע וועלט · אדם איז געווען דער ערשטער אונ אליהו דער לעצטער · אונ פון אדם ביז אליהו זענען געווען זיבען מענטשען וואס האבען געזעהן איינער דעם אנדערען · מתושלח האט געזעהן אדם · שם האט געזעהן מתושלח · יעקב האט געזעהן שם · עמרם האט געזעהן יעקב · אחיה השלוני האט געזעהן עמרם · אליהו הנביא האט געזעהן אחיה השלוני · אונ אליהו הנביא לעבט נאך · האט אדם הראשון געזעהן דעם אנחייב וועלט אונ אליהו הנביא וועט זעהן דעם סוף וועלט · פרעגט די גמרא וויא אזוי האט אחיה השלוני געזעהן עמרם · עס שטייט דאך אין פסוק עס איז ניט געבליבען איין מענטש פון דיא מענטשען וואס זענען ארויס גיגאנגען פון מצרים נאר אלע זענען געשטארבע אין דער מדבר נאר כלב בן יפנה אונ יהושע בן נון זענען געבליבען ; איז דאך עמרם אויך געשטארבען אין דער מדבר · וויא אזוי האט אחיה השלוני געזעהן עמרם · האט רב המנונא געזאגט אויף דעם שבט לוי איז ניט געוועז דיא גזרה זייא זאלען שטארבען אין דער מדבר · אונ עמרם איז געווען פון שבט לוי איז ער ניט געשטארבען אין דער מדבר ; ווארום עס שטייט אין פסוק אין דעם מדבר זאלען פאלען אייערע פגרים · אונ אלע ווס זענען געציילט געוואדען פון צוואנציג יאהר זענען געשטארבען אין דער מדבר · אבער דער שבט לוי וואס ער איז געציילט געווארען פון דרייסיג יאהר איז ער ניט געשטארבען אין דער מדבר · ודריבער אדער עמרם איז ארויס געגאנגען פון מצרים אונ האט געלעבט אזוי אלאנגע צייט ביז ער האט געזעהן אחיה השלוני ; אדער אחיה השלוני האט געזעהן עמרם אין מצרים אונ ער איז אויך ארויס געגאנגען פון מצרים · אונ ער איז ניט געשטארבען אין דער מדבר · ווארום ער איז אויך געווען אלוי · פרעגט דיא גמרא אונ פון אנדערע שבטים וואס זענען ארויס געגאנגען פון מצרים זענען ניט געווען מענטשען וואס זענען אריין געגאנגען אין ארץ ישראל · מיר האבען דאך געלערנט יאיר דער זוהן פון מנשה אונ

בן מנשה נולדו בימי יעקב ולא מתו עד שנכנסו ישראל לארץ שנאמר (יהושע ז) ויכו מהם אנשי העי כשלשים וששה איש ותניא ל"ו איש ממש דברי רבי יהודה א"ל ר"נ וכי נאמר שלשים וששה והלא לא נאמר אלא כשלשים וששה אלא זה יאיר בן מנשה ששקול כרובה של סנהדרין אלא אמר רב אחא בר יעקב לא נגזרה גזרה לא על פחות מבן עשרים ולא על יתר מבן ששים לא על פחות מבן עשרים דכתיב מבן עשרים שנה ומעלה ולא על יותר מבן ששים גמר ומעלה ומעלה מערכין מה להלן יותר מבן ס' כפחות מבן כ' אף כאן יתר מבן ס' כפחות מבן כ':

יז איבעיא להו ארץ ישראל לשבטים איפלוג או דילמא לקרקף גברי איפלוג (דף קכג) תא שמע

בתמי' ואמאי דהקא לתרואי מבוס דלוי היה אחיה לכך בא נאלך: בימי יעקב. גמרא: ולא מתו. לא יליף מקרא אלא חד מנייהו: סנהדרין. הוו שבעים ואחד נמצא רובן ל"ו: ולא על יתר מבן ששים. וכמי כמי דאחיה ישראל היה הרי ראה את עמרם המת שנים והוה ליה בן ששים ואחד בצאתו ממצרים: יתר על בן ששים. בערכין אינו שוה לבן עשרים שנה ומעלה שהרי ערכו מועט יותר כדכתיב בפרשת ערכין: כפחות מעשרים. שמועט ערכו מבן עשרים שנה ומעלה דאע"ג דאין ערך פחות מבן עשרים ויותר על בן ששים שוין; זה לזה מיהו בזה שוין בערך נשים מועט מערך יתר מבן עשרים והנוקים מדינו של יותר מבן עשר יש וה"נ כי היכי דמחולק פחות מבן עשרים לענין הגזירה ליתר מבן עשרים ה"ה ליותר על בן כ' והיכא נמימר דלא נמנו בהסות הסבון:

לשבטים איפלוג. שנתחלקה לי"ב חלקים שוים ואח"כ כל שבט ושבט מתחלק לפי אנשיו בשין מיוצאי מצרים או לפי באי הארץ למר כדאית ליה ולמר כדאית ליה: לקרקף גברי. לראשי אנשים שכל אחד (ואחד מישראל) מיוצאי מצרים לר' יאשיה או לבאי הארץ לר' יונתן היה נוטל חלקו בארץ בפני עצמו והיו כולן שוים בחלוקה: ת"ש בין רב למעט על

מכיר דער זוהן פון מנשה זענען געבארין געווארין ווען יעקב האט נאך געלעבט און זענין ניט געשטארבין ביז די יודין זענין אריין געגאנגען אין ארץ ישראל. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק די מענטשין פון עי האבען געשלאגן די יודין אזוי וויא זעקס און דרייסיג מענטשין. און מיר האבען געלערנט זייא האבען געשלאגען טאקי זעקס און דרייסיג מענטשין. אזו זאגט רבי יהודה. האט רבי נחמיה געזאגט צו רבי יהודה שטייט דען אין פסוק זעקס און דרייסיג מענטשין. עס שטייט דאך אזו וויא זעקס און דרייסיג מענטשין. נאר דאס מיינט מען יאיר בן מנשה וואס ער איז געווען גלייך וויא דאס מערסטע מענטשין פון די סנהדרין ודיא סנהדרין זענין געווען איין און זיבעציג מער וויא העלפט איז זעקס און דרייסיג. זעהן מיר דאך אז יאיר איז ארוס געגאנגען פון מצרים און איז אריין געגאנגען אין ארץ ישראל. האט רב אחא בר יעקב געזאגט די גזרה צו שטארבין אין דער מדבר איז ניט געווען אויף די מענטשין וואס זענין געווען אלט וויינינגער וויא צוואנציג יאהר. און ניט אויף די מענטשין וואס זענין געווען עלטער ווי זעכציג יאהר. פון וואנען ווייסען מיר אז די גזרה איז ניט געווען אויף די מענטשין וואס זענין אלט ווייניגער וויא צוואנציג יאהר. ווארום עס שטייט אין פסוק פון צוואנציג יאהר און ווייטער זאלין שטארבין אין דער מדבר. אבער די מענטשין וואס זענען אונטער צוואנציג יאהר זאלין ניט שטארבין אין דער מדבר. און פון וואנען ווייסען מיר אז די גזרה איז ניט געווען אויף די מענטשין וואס זענין עלטער וויא זעכציג יאהר. ווארום מיר לערנען אגזרה שוה ומעלה ומעלה פון ערכין. דא שטייט מבן עשרים שנה ומעלה. און ביי ערכין שטייט אויך מבן עשרים שנה ומעלה: אזו וויא ביי ערכין דער וואס איז אלט געווען העכער וויא זעכציג יאר. האט דעם דין וויא דער וואס איז אלט וויינינגער ווי צוואנציג יאהר. אזו דא איז אויך דער וואס איז אלט געווען העכער ווי זעכציג יאהר. האט געהאט דעם דין וויא דער וואס איז אלט געווען וויינינגער וויא צוואנציג יאהר:

יז איבעיא להו. האט מען געפרעגט ארץ ישראל איז צו טיילט געווארין צו שבטים. עס איז געווען צוועלף שבטים. איז ארץ ישראל צו טיילט געווארין אויף צוועלף טייל. און אז אין איין שבט איז געווען טויזענד מענטשין און אין אנדערין שבט איז געווען צוויי טויזענד מענטשין. האבען די טויזענד געהאט אזוי פיל וויא די צוויי טויזענד. אדער ארץ ישראל איז צוא טיילט געווארין צוא די קעפ פון די מענטשין. יודין זענין געווען זעקס מאהל הונדערט

שמע (במדבר כו) בין רב למעט ועוד תניא עתידה ארץ ישראל שתתחלק לשלשה עשר שבטים שבתחלה לא נתחלקה אלא לשנים עשר שבטים ולא נתחלקה אלא בכסף שנאמר בין רב למעט א"ר יהודה סאה ביהודה שוה חמש סאין בגליל ולא נתחלקה אלא בגורל שנאמר (שם) אך בגורל ולא נתחלקה אלא באורים ותומים שנאמר (שם) על פי הגורל הא כיצד אלעזר מלובש אורים ותומים ויהושע וכל ישראל עומדים לפניו וקלפי של שבטים וקלפי של תחומים מונחים

על פי הגורל תחלק כשחלקו של ישראל שיקח כל שבט ושבט מה שיתן לו הגורל בין שיהא מגיע לו חלק מרובה כגון שבט שאנשיו מועטין בין שהי' מגיע לו חלק מועט כגון שבט שאנשיו מרובין דכיון דכל הם טים לוקחין בשוה שבט הקטן כשבט הגדול נמצאו חלקי בני שבט הקטן מרובין מחלקי בני שבט הגדול ואי לקרקף גברי מאי בין רב למעט והלא נטלו כולם בשוה: ועוד תניא. נמי בהדיא דלשבטים איתפליג משום דלא בעא למדרש נמי האי בין רב למעט לכדלקמן בברייתא איצטריך נמי האי. ועוד תניא כו'. שתתחלק לעתיד לבא לי"ג שבטים כלומר לי"ג חלקים שוין ולקמן מפרש מאי ניהו הוהו חלק דטפי התם ואי משום לוי דנקט נחלה כשאר שבטים כדכתיב התם שער לוי אחד הא לאפרים ומנשה נמי לא יטלו כי אם חלק אחד כדכתיב התם שער יוסף אחד נמצאו י"ב שבטים נוטלין י"ב חלקים והי"ג לנשיא כדלקמן: שבתחלה. כשבאו לארץ: לא נתחלקה אלא לי"ב שבטים. שבשבט לוי לא היה לו חלק בארץ אלא כל שבט ושבט נתנו להם ערים לשבת בהן להיות לערי מקלט אבל מנשה ואפרים נטלו שני חלקים דכתיב אפרים ומנשה כראובן ושמעון יהיו לי: בכספים קא סלקא דעתך מי שהיה לו חלק יפה היה נותן דמים למי שהגיע לו חלק כחוש מאי דכיני ביני כד כתיב בין רב למעט כלומר וצריך נדקדק בין רב למעט להוסיף דמים הרב למעט שהזיבורית קרי לה מעט והעידית קרי רב שכן א"ר יהודה סאה ביהודה שוה חמש סאים בגליל והיה מעלה דמים זה שנפל חלקו ביהודה לזה שנפל חלקו בגליל: ה"ג א"ר יהודה כו'. ולא בא לחלוק מדלא קתני רבי יהודה אומר: ולא נתחלקה אלא בגורל. מסקנא דמילתיה דת"ק היא: על פי. משמע ע"פ אורים ותומים: הא כיצד הם אורים למה גורל ואם גורל למה אורים ושמא מכחישין זה את זה: אלעזר מלובש כו'. דכתיב ולפני אלעזר הכהן יעמוד ושאל לו במשפט האורים לפני ה' על פיו יצאו ועל פיו יבואו וגו': וקלפי של שבטים. ארגז שמונחין בו י"ב פיתקין שכתוב בהן י"ב שבטים: וקלפי של תחומין. ארגז שמונחין בו י"ב פתקין של י"ב

ג הלכתא. דער דין איז אז איינער זאגט צו זיין חבר זיי זוכה דיא זאך פאר דעם קינד וואס איז אין זיין מוטערס בויך. האט דער קינד ניט זוכה גיוועזן. איינער האט אמאהל גזאגט צו זיין ווייב מיין פאר מעגין זאל זיין צו מיין זוהן וואס איך וועל האבען פון דיר. איז גיקומען זיין עלטערער זוהן וואס ער האט גיהאט פון זיין ערשטע ווייב. אונ האט גזאגט צום פאטער וואס וועט זיין מיט דעם מענטשין וואס וועט זיין מיט מירו. האט דער פאטער גזאגט צום זוהן דוא וועסט נעמען אגלייכען חלק אזו וויא איינער פון דיא קינדער וואס וועלין גיבארין ווערין צו מיר פון דיא ווייב מיינע. דיא קינדער וואס וועלין גיבארין ווערין האבען געווים ניט זוכה גוועזן אין זייער פאטערס פרמעגין. ווארום זיי זענען דאך נאך ניטא. נאר אבער דער עלטערער זוהן הט אחלק אין זיין פאטערס פרמעגין אפילו יענע קינדער האבען ניט קיין חלק. אדער אזו ווי יענע קינדער האבען ניט קיין חלק אין זייער פאטערס פרמעגין. אזו הט דער עלטערער זוהן אויך ניט זוכה גיוועזן אין פאטערס פאר מעגין. ווארום דער פאטער האט דאך גזאגט צום עלטערין זוהן דו זאלסט זוכה זיין מיט דיא קינדער וואס וועלין גיבארין ווערין צו זאמען. אונ אז זייא זענען ניט זוכה איז ער אויך ניט זוכה. רבי אבין אונ רבי מיישא אונ רבי ירמיה זאגען אז דער עלטערער זוהן הט יא אחלק. רבי אבהו אונ רבי חנינא בר פפי אונ רבי יצחק נפחא זאגין אז דער עלטערער זוהן האט ניט קיין חלק. האט רבי אבהו גזאגט צו רבי ירמיה דער דין איז וויא מיר זאגין. אדער דער דין איז וויא איר זאגט. הט רבי ירמיה גזאגט צו רבי אבהו געווים איז דער דין וויא מיר זאגען ווארום מיר זענען עלטער פון אייך. אונ עס איז ניט דער דין וויא איר זאגט ווייל איר זענט נאך יונגע לייט. האט רבי אבהו גזאגט צו רבי ירמיה ווענדט זיך דען די זאך אן עלטער. די זאך ווענדט זיך אן שכל. אונ וואס איז דער שכל. גיי צו רבי אבין איך האב אים גיגעבין צו פר שטיין דעם שכל פון דער זאך. הט ער אשאקיל גיגעבין מיטען קאפ אין בית המדרש. אונ ער האט טודה גיוועזן אז איך בין גידעכט:

(ע"ב) (בראשית מו) ד ובני דן חושים תנא דבי חזקיה ללמד שהיו בניו מרובים כחושים של קנה:

ה ההוא דא"ל נכסי לבנאי ה"ל ברא ובר ברא מי קרו אינשי לבר ברא ברא או לא רב חביבא אמר קרו אינשי לבר ברא ברא מר בר רב אשי אמר לא קרו אינשי לבר ברא ברא תניא כוותיה דמר בר רב אשי המודר הנאה מבנים מותר בבני בנים:

(דף קמד ע"ב) ו משנה אחין השותפין שנפל אחד מהן לאומנות נפל לאמצע חלה ונתרפא נתרפא משל עצמו: גמ' שלח רבין משמיה דרבי אלעאי ל"ש אלא שחלה בפשיעה אבל באונס מתרפא מן האמצע היכי דמי בפשיעה כדרבי חנינא דאמר

כחושים של קנה. שגדלין הרבה ביחד אי נמי עלי קנים אי קשרי הקנים קרוי כן:
ובר ברא. בן של אותו בן או של אחר במם: פי' ק"י אינשי לבר ברא ברא. ולפיך אמר נכסי לבניי לשון רבים ויחלקו ביניהם או לא קרו להו ברא והאי דקאמר לשון רבים היינו כדאמר לעיל ובני פלוא אליאב: מותר בבני בנים. אבל לענין פריה ורביה חשיבי כבנים בפרק הבא על יבמתו:
שנפל אחד מהן לאומנות. אומנות המלך שמתמנה אביו נפל לאומנות זו שכן היה מנהג המלך מעמיד מכיס זו מוכס חדש אחד ומכיס זו חדש אחד וכן מכל בתי העיר: נפל לאמצע. כריוח

ד ובני. די קינדער פון דן האבען געהייסען חושים. איז דאך אקשיא דן האט דאך נאר געהאט איין זוהן. האט בעדארפט שטיין דער זוהן פון דן האט געהייסען חוש. דבי חזקיה האבען געלערנט ווייל די קינדער פון חוש זענען געוועזען אזו וויא אווארציל וואס פון אים וואקסט ארוים פיל שטעקקאך. זענען אלע שטעקקאך בעזאמען אונ עס ווערט ניט אפ געשיידט איינער פון אנדערין. אזו איז געוועזען ביי דעם שבט דן. ער האט געהאט איין זוהן אונ פון דעם איין זוהן איז געווארין א שבט פון זיבעציג טויזענד אונ זענען אלע געוועזען בעזאמען. זיי זענען ניט געוועזען אפ געשיידט איינער פון אנדערין:

ה ההוא. איינער האט אמאהל געזאגט מיין פאר מעגין זאל געהערין צו מיינע זיהן: אונ ער האט געהאט אזוהן אונ אזוהנס אזוהן. ווייסען מיר ניט אויב מענטשין רופען אויף אזוהנס אזוהן. מיין זוהן. האט ער געמיינט אז זיין זוהן מיט דעם זוהנס זוהן זאלין זיך ביידע צו טיילין מיט דעם פאר מעגין. אדער מענטשין רופען ניט דעם זוהנס זוהן מיין זוהן. האט ער געמיינט אז נאר זיין זוהן זאל נעמען דאס גאנצע פר מעגין. אונ דעם זוהנס זוהן זאל גאר ניט נעמען. נאר פר וואס האט ער געזאגט מיינע זיהן. ווייל דער איין זוהן איז ביי איהם ליב אזוי וויא פיל זיהן: רב חביבא זאגט מענטשין רופען דעם זוהנס זוהן מיין זוהן. מר בר רב אשי זאגט מענטשין רופען ניט דעם זוהנס זוהן מיין זוהן: זאגט די גמרא מיר האבען געלערנט ווי מר בר רב אשי זאגט אז איינער טוהט אנדר ער זאגט איך זאל ניט הנאה האבען פון מיינע זיהן. מעג ער הנאה האבען פון זיינע זיהנס זיהן:

ו משנה. אחין. ברידער וואס זייא זענען שותפים. זייא האבען זיך נאך ניט צוא טיילט מיט די ירושה. אונ איין ברודער האט מען גינומען צו די ארבעט פון מלך ודער מנהג איז געוועזען יעדער בעל הבית הט גידארפט גיין אליין אדער געבין א מענטשין וואס זאל גיין איין מאנען די פאראטעקעס פון מלך אונ דער מענטש האט געהאט זיין געצאהלט פון מלך פאר זיין ארבעט. זאל ער צו טיילען דעם פאר דינסט שותפות מיט די איבעריגע ברידער. אונ אז איין ברודער איז קראנק געווארין אונ ער בארף זיך היילין. זאל ער זיך היילין פון זיין חלק. ניט פון שותפות. זאגט די גמרא רבין האט געשיקט זאגן פון רבי אלעאים וועגין ווען זאגין מיר אז ער דארף זיך היילין פון זיין חלק. נאר אז ער האט אליין געבראכט די קראנקייט אויף זיך. אבער אז ער איז ניט שולדיג אין זיין קראנקייט. די קראנקייט איז פון זיך אליין גיקומען אויף אים. זאל ער זיך היילין פון שותפות געלט. פרעגט די גמרא וועלכע קראנקייט ברייננגט א מענטש אויף זיך אליין. ענטפערט די גמרא אזו וויא רבי חנינא האט געזאגט אלץ איז ביי גאט אין די הענט. אלץ וואס עס קומט אויף דעם מענטשין איז געשיקט געווארין פון גאט גליך

דאמר רבי חנינא הכל בידי שמים חוץ מצנים פחים שנאמר (משלי כב) צנים פחים בדרך עקש שומר נפשו ירחק מהם :

(דף קמ"ה ע"ב) ז תנא עתיר נכסין עתיר פומבי זה בעל הגדות עתיר סלעין עתיר תקוע זה בעל פלפול . עתיר משח עתיר כמס זהו בעל שמועות . הכל צריכין למרי חיטי (ומאי ניהו) גמרא :

א"ר

שהרויח זה באומנותו : צנים פחים . ליטנא דקרא צנים פחים בדרך נקט הצינה והקור פח ומוקש בדרך עקש כי בידו הדבר תלוי להשמר מן הצינה ויש מפרשים צנים פחים קור וחום :

עתיר נכסין. עתיר מכרעיה וזיזים ושדות הנראות לבריות וגב : עתיר פומבי . עושר הגלוי כגון בהמות שהכל יודעים בהם : זה בעל הגדות . שדורש ברבים בכל מקום בבתי מדרשות (ליום טוב) [שדורש בימים טובים] והכל מספין לשמוע ויש לו קול חכמה ובא להשמיענו שמתוך שאין הגדות צריכות עיון יכול לדרוש בכ"מ : עתיר סלעין . שולחני שמסתכל תמיד במיני מטבעות : עתיר תקוע . י"מ שיש לו בתים הרבה ומסתכל בהן תדיר ומקרי הכי על שם ויעקב תקע אהלו . ולי נראה כדאמרינן במנחות תקוע אלפא לשמן עיר הוה ומשם היו מביאין שמן למיהוה ודימס למטבעות ולשמן את הפלפול על שם שמהיות התמיד בפלפולו : עתיר משח . אנשי מדות מתרגמינן אינשי דמשחן עסיר בדבר הלאוי למדוד כגון הבונה שאין מסתכלין בה תמיד אלא מכניסין אותה לאוצר וכשיגיע עת מכירה אז ימכרנה ויסתכל והיינו נמי : עתיר כמס . כמו כמוס עמדי דבר שמכניסין לאוצר : זהו בעל שמועות . שיודע הלכות ומימרות ולכשיגיע עת הוראה יגלה שמועותיו : גמרא . סוגיות התלמוד ותירוצי משניות וברייתות והוא עיקר התלמוד שאם לא היה התלמוד אין מלמדין הלכה מתוך משנה כדאמרינן התנאים מבלי עולם :

זה

אויף דעם מענטש . נאר אז א מענטש ווערט קראנק פון קעלטיאקער פון היץ . דאס קען אמאהל זיין אז דער מענטש אליין איז שולדיג אין זיין קראנקייט ווארום דיא היץ אונ דיא קעלט מוז זיין אויף דער וועלט יעדעס אין זיין צייט . פר וואס איז דער מענטש גישטאנען אזו אלאנגע צייט אויף דיא קעלט ביז ער זאל קראנק ווערין . אדער פאר וואס איז ער גישטאנען אזוי אלאנגע צייט אויף דיא היץ ביז ער זאל קראנק ווערין . איז ער אליין שולדיג אין זיין קראנקייט . דריבער דארף ער זיך היילין פון זיין געלט . אזו וויא עס שטייט אין פסוק דיא קעלט אונ די היץ שאדען נאר דעם מענטש וואס גייט אין קרומען וועג . אבער דער וואס היט זיין נפש קען זיך דער ווייטערין פון זייא :

ז תנא . מיר האבען גילערונט אזו וויא איינער איז רייך מיט פיל פעלדער אונ ווייןגערטנער . אדער ער איז רייך מיט פיל בהמות וואס אלע ווייסען פון זיין רייכקייט . אזו איז דער דרשן וואס ער איז רייך מיט זיינע דרשות . אלע ווייסען פון זיין חכמה . אונ אזו וויא איינער איז רייך מיט בארע געלט אונ ער טאהשט דאס געלט פון קליינע אויף גרויסע אונ פון גרויסע אויף קליינע אונ פאר דינט אלע רגע . אדער איינער איז רייך מיט פיל הייזר אונ זיי זענען פר דונגען . וואס ער ווערט רייכער אלע טאג . אזו איז דער חכם וואס איז רייך מיט זיין חכמה אויף צו קלערין נייע זאכען אונ דינים פון דער תורה . ער פאר דינט מיט זיין חכמה . אלע רגע וואס ער לערונט ווייס ער נייע זאכען . אונ ווערט אלע מנוט אגרעסערער חכם . אונ אזו וויא איינער איז רייך אין אועלכע זאכען וואס מען מעסט . למשל ער האט אשפייכלער תבואה . וואס פון דעם פר דינט מען ניט אלע מנוט . נאר ווען עס קומט די צייט פון פאר קויפען . פר קויפט מען אונ מען פאר דינט . אדער ער איז רייך מיט אנדערע זאכען וואס מען פאר קויפט ניט אלע ווייל . נאר עס ליגט אין אשפייכלער ביז צו דער צייט פון פר קויפען . פר קויפט מען אונ מען פר דינט . אזוי איז דער מענטש וואס ער אליין איז ניט קיין חכם אויף צו קלערין דינים פון דיא תורה . נאר ער הט גיהערט פיל דינים פון זיין רבי אונ ער גידיינקט זיי . אונ די דינים ליגען אין אים בעהאלטין אזו וויא עס ליגט אזאך אין אשפייכלער . אונ אז עס קומט דיא צייט וואס ער דארף דעם דין נעמט ער ארויס דעם דין פון זיין הארצען אונ פון זיין מוח אונ זאגט אים . למשל דיא דינים פון פסח ליגען ביי אים פון איין יאהר צום אנדערין יאהר . דיא דינים פון סוכות אויך אזו . אונ אזו אלע דינים . אלע מענטשין דארפען אן קומען צו דעם מענטש וואס הט צו פר קויפען ווייץ . דאס מיינט מען אלע לערנערס דארפין אן קומען צו דעם למדן וואס קען גמרא :

ח א"ר זירא אמר רב מ"ד (משלי טו) כל ימי עני רעים זה בעל תלמוד וטוב לב משתה תמיד זה בעל משנה. רבא אמר איפכא והיינו דאמר רב משרשיא משמיה דרבא מ"ד (קהלת י) מסיע אבנים יעצב בהם בוקע עצים יסכן בם מסיע אבנים יעצב בהם אלו בעלי משנה בוקע עצים יסכן בם אלו בעלי תלמוד רבי חנינא אמר כל ימי עני רעים זה שיש לו אשה רעה וטוב לב משתה תמיד זה שיש לו אשה טובה ר' ינאי אמר כל ימי עני רעים זה איסטנים וטוב לב משתה תמיד זה שדעתו יפה. ר' יוחנן אמר כל ימי עני רעים זה רחמן וטוב לב משתה תמיד זה אכזרי ורבי יהושע בן לוי אמר כל ימי עני רעים זה שדעתו קצרה וטוב לב משתה תמיד זה שדעתו רחבה. (דף קמו) ואמר רבי יהושע בן לוי כל ימי עני רעים והאיכא

זה בעל תלמוד. שממית עצמו לכוין הלכות ולתרץ הויות: רבא אמר איפכא. כל ימי עני רעים זה בעל משנה שאינו יכול להורות הלכה מתוך משנתו וגם כשחולקות זו על זו אינו יודע לתרץ וטוב לב זה בעל תלמוד שיודע משניות על העיקר ובקי בטעמיהם ויש בידו כח להורות הלכה למעשה: יעצב. לשון בעצבון תאכלנה: זה בעל משנה. ששונה משניות כל היום ואין לו אלא צער שמתקשה בטעמיהם ואינו יודע לפרש: יסכן. לשון חמימות כמו ותהי למלך סוכנת כלומר שנהנה מהם: זה איסטנים. מי שדעתו קצה ולבו מואס בכל דבר מגונה שהוא רואה: יפה. שסובל הכל ואין מזיק לו שום דבר מאוס: קצרה. כמו עצרן וקפדן עינו רעה בם לו ובשל אחרים: זה רחמני. כמה עניים הוא רואה שבוכה עליהם תדיר: כל ימי עני רעים והא יכא שבתות

ח אמר. רבי זירא האט גזאגט פון רבס וועגין עס שטייט אין פסוק אלע טעג פון ארעם מאן זעניין שלעכט. דאס מיינט מען דעם למדן וואס לערונט גמרא. ער מאטערט זיך טאג אונ נאכט צו פר ענטפערין קשיות אונ אויס צו גלייכען דיא דינים עס זאל ניט זיין קיין קשיא פון איין משנה אויף די אנדערע. אונ דער וואס הט אגוט הארץ האט ער אייביג אבאל. דם מיינט מען דעם למדן וואס לערונט משניות. ער מאטערט זיך גאר ניט ער לערונט דיא משנה אזוי וויא זיא שטייט. רבא זאגט פאר קערט: אלע טעג פון ארעם מאן זענין שלעכט דאס מיינט מען דער וואס לערונט משניות. ער לערונט אונ זיין לערנען האט קיין טעם ניט: ווארום ער קען ניט פסקנן קיין דין פון דער משנה. אונ אז עס איז אקשיא פון איין משנה אויף די אנדערע משנה וויים ער ניט צו ענפערין. אונ דער וואס הט אגוט הארץ הט ער אייביג אבאל דם מיינט מען דער וום לערונט גמרא. ער וויים דיא טעמים פון די משניות. אונ וויים צו ענפערין אתירוץ אוף אקשיא. אונ וויים צו פסקנן אדין. דאס איז וואס רב משרשיא הט גזאגט פון רבאס וועגין עס שטייט אין פסוק מסיע אבנים יעצב בהם בוקע עצים יסכן בם. דער וואס ציהט שטיינער וועט ער טרויריג זיין דורך זייא. דאס מיינט מען דיא מענטשין וואס לערנען משניות. ער לערונט דיא משניות אגאנצן טאג אונ ער בלייבט טרויריג. ווייל ער וויים ניט דעם טעם פון דער משנה. אונ ער וויים ניט צו ענפערין תירוצים אויף זיינע קשיות. אבער דער וואס שפאלט האלץ וועט ער זיך דער ווארעמען דורך זייא. דם מיינט מען דער וואס לערונט גמרא האט ער פאר גענינגען פון זיין לערנען. אונ ער לערונט אזוי שטארק ביז ער דער ווארעמט זיך פון דעם לערנען. רבי חנינא זאגט אלע טעג פון ארעם מאן זענען שלעכטע דאס מיינט מען דער וואס הט אשלעכטע ווייב. אונ דער וום הט אגוט הארץ ביי דעם איז אייביג אבאל דם מיינט מען דער וואס הט אגוטע ווייב. רבי ינאי זאגט אלע טעג פון ארעם מאן זענין שלעכטע דאס מיינט מען דער מענטש וואס איז איידיל. אונ וואס נאר עפעס אמיאוסע זאך קען ער ניטליידין: אים איז אייביג שלעכט. ווארום מיאוסע זאכען קומען פיל פאר דעם מענטשין. אונ דער וואס האט אגוט הארץ ביי דעם איז אייביג אבאל דם מיינט מען דער מענטש וואס מיאוסט זיך ניט אונ ער קען אלץ ליידין. רבי יוחנן זאגט אלע טעג פון ארעם מאן זענען שלעכטע דאס מיינט מען דער מענטש וואס הט פיל רחמנות. אונ עס זענען דא פיל זאכען וואס מען דארף אויף זייא רחמנות האבען. האט ער אייביג צו וויינען. אונ דער וואס הט אגוט הארץ ביי דעם איז אייביג אבאל דם מיינט מען דער מענטש וום איז אשלעכטער אונ הט ניט רחמנות אוף קיינם. דר מענטש הט אגיזונטע הארץ אונ איז אייביג פריילאך. רבי יהושע בן לוי זאגט אלע טעג פון ארעם מאן זענען שלעכטע. דם מיינט מען דער מענטש וואס ער גינט זיך אונ פר גינט איין אנדערין אוי ך. נאך האט רבי יהושע בן לוי גזאגט שלמה המלך הט גזאגט אלע טעג פון ארעם מאן זענען שלעכטע. עס איז דאך דא

שבתות וימים טובים כדשמואל דאמר שמואל שנוי וסת תחלת חולי (מעים) כתוב בספר בן סירא כל ימי עני רעים וכו׳ (כדאיתא בכתובות פ׳ אחרון דף ק״י) :

ט משנה השולח סבלונות לבית חמיו שלח שם מאה מנה ואכל שם סעודת חתן אפילו בדינר אינן נגבין וכו׳ : **גמ׳** אמר רבא דוקא דינר וכו׳ אבל תנן שתה מאי וכו׳ ת״ש דאמר רב יהודה אמר שמואל מעשה באדם אחד ששגר לבית חמיו מאה קרונות של כדי יין ושל כדי שמן ושל כלי כסף וכלי זהב ושל כלי מילת ורכב בשמחתו והלך ועמד על פתח ב ת חמיו והוציאו כוס של חמין ושתה ומת וזו הלכה וכו׳ ש״מ אפילו שתה שמעת מינה אפילו פחות מדינר א״ר אשי מאן לימא לן דלא שחקי ליה מרגליתא

וימים טובים . שיש לו מנות ומזונות שהיו מחלקים לעניים בכל ע״ש : אלא כדשמואל . אתא קרא לאשמעינן וכולה רבי יהושע קאמר לה : שינוי וסת . חוק כגון עני שכל ימות החול אוכל פת הריבה ובשבת אוכל בשר: ה״ג תחלת חולי. מחוק כך מתחיל לחלות ולית דגרסי חולי מעים :

[השולח כבלונות . מנהג החנים לאחר קדושין למחרת שולח לבית חמיו לכבוד אשתו סכשיטין ומיני פירות וכדי יין ושמן וסעמים אוכל שם עמה : אינם נגבין . אם מת הוא או שמתה היא וכו׳] : ורכב בשמחתו . מחוק הון רב ששלח לבית חמיו שהה על סוסו : ומת . אח״כ קודם נשואין : ש״מ אפילו פחות מדינר . ותיקשי לרבא : מאן לימא לן דלא שחקי ליה מרגליתא . בכוס החמין שכן דרך עשרים שותין אותו לרפואה :

שַׁבָּתִים אוּנ יָמִים טוֹבִים . ווָאס מֶען הֶעלְפְט דֶעם אָרֶעם מַאן עֶר זָאל הָאבֶּען אוֹיף שַׁבָּת , אוּנ אוֹיף יוֹם טוֹב . נָאר דָאס אִיז ווִיא שְׁמוּאֵל הָאט גְזָאגְט אַז אַמֶענְטְש עֶנְדֶערְט זַיין גְעווֹאוֹנְהַייט דָאס אִיז אַאָנְהֵייבּ קְרַאנְקְקַייט . אַאָרֶעם מַאן ווָאס עֶסְט אַגַאנְצֶע ווָאךְ טְרוּקֶען בְּרוֹיט אַז עֶס קוּמְט שַׁבָּת אוּנ עֶר עֶסְט אַשְׁטִיקוּל פְלֵייש . ווַייל עֶר אִיז נִיט גְיווֹאוֹהנְט צוּ פְלֵייש . ווֶערְט אִים קְרַאנְק דֶער מָאגֶען :

ט כשנה . הַשּׁוֹלֵחַ . אַז אֵיינֶער הָט גֶעשִׁיקְט מַתָּנוֹת צוּ דִיא כַּלָּה בֵּיי זַיין שְׁווֶער אִין שְׁטוּבּ . פַר צַייטֶען אִיז גִיוֶוען דֶער מִנְהָג צוּ דִי תְּנָאִים פְלֶעגְט דֶער חָתָן שִׁיקֶען צוּ דִיא כַּלָּה מַתָּנוֹת אוּנ גִיטֶע שְׁפֵּייזִין אוּנ ווַיין אוּנ אֵייל . אוּנ אַמָאהל פְלֶעגְט דֶער חָתָן אוֹיךְ מִיט קוּמֶען אוּנ פְלֶעגְט דָארְט עֶסִין מִיט זֵייא אַסְעוּדָה . דִיא סְעוּדָה הֵייסְט סְעוּדַת חָתָן׳ אוֹיבּ נָאךְ דִיא תְּנָאִים אִיז גִישְׁטָארְבִּין דֶער חָתָן אָדֶער דִיא כַּלָּה . אֲפִילוּ דִיא מַתָּנוֹת ווָאס דֶער חָתָן הָאט גֶעשִׁיקְט זֶענֶען ווֶערְט הוּנְדֶערְט מָאהל הוּנְדֶערְט גִילְדִין , אוֹיבּ דֶער חָתָן הָאט גִיגֶעסִין דָארְט בֵּיי דִי כַּלָּה דִיא סְעוּדַת חָתָן . אֲפִילוּ ווָאס עֶר הָאט גִיגֶעסֶן אִיז נִיט מֶער ווֶערְט גִיוֶוען נָאר אֵיין גִילְדִין . פוּן דֶעסְטְווֶעגִין קֶען מֶען נִיט אָפּ נֶעמֶען צוּרִיק דִיא מַתָּנוֹת . ווָארוּם דוּרְךְ דִיא שִׂמְחָה פוּן דֶר סְעוּדָה הָט עֶר גֶעשֵׁיינְקְט דִיא מַתָּנוֹת . רָבָא זָאגְט דָאס אִיז נָאר אַז זַיין עֶסִין אִיז ווֶערְט גִיוֶוען אַגִילְדִין . אָבֶּער אַז זַיין עֶסִין אִיז אַגִילְדִין אוֹיךְ נִיט ווֶערְט גִיוֶוען . קֶען עֶר אָפּ נֶעמֶען צוּרִיק דִי מַתָּנוֹת ; פְרֶעגְט דִיא גְמָרָא ווִיא אִיז אַז עֶר הָאט נִיט גִיגֶעסִין בֵּיי דִיא כַּלָּה ; נָאר עֶר הָאט דָארְט גִיטְרוּנְקֶען . קֶען עֶר אָפּ נֶעמֶען דִיא מַתָּנוֹת אָדֶער נֵיין . זָאגְט דִיא גְמָרָא רַב יְהוּדָה הָאט גְזָאגְט פוּן שְׁמוּאֵלְס ווֶעגִין עֶס הָאט אַמָאהל גִיטְרָאפֶען אַמֶענְטְשׁ הָאט גֶעשִׁיקְט צוּ זַיין שְׁווֶער וּאַמַתָּנָה פַר דִיא כַּלָּהו הוּנְדֶערְט פוּרֶען בֶּעלָאדֶען מִיט פֶעסֶער ווַיין אוּנ מִיט פֶעסֶער אֵייל אוּנ מִיט זִילְבֶּערְנֶע כֵּלִים אוּנ מִיט גָאלְדֶענֶע כֵּלִים אוּנ מִיט זַיידֶענֶע קְלֵיידֶער . אוּנ עֶר הָט גֶערִיטֶען אוֹף אַפֶערְד מִיט גְרוֹיס שִׂמְחָה . אוּנ אַזוֹי ווִיא עֶר אִיז גִיזֶעסֶן אוֹיף דֶעם פֶערְד הָט עֶר זִיךְ גִישְׁטֶעלְט בֵּיי דִיא טִיר פוּן זַיין שְׁווֶער . אוּנ מֶען הָט אִים אַרוֹיס גִיטְרָאגֶן אַגְלָאז מִיט ווַארֶעמְס (טֵעה אָדֶער קָאווֶע) אוּנ עֶר הָאט אוֹיס גֶעטְרוּנְקֶען אוּנ אִיז גִישְׁטָארְבֶּען . הָט מֶען גִיפַּסְקֶת אַז דִיא כַּלָּה בַּארְף נִיט צוּרִיק גֶעבִּין דִיא מַתָּנוֹת צוּ זַיינֶע יוֹרְשִׁים . זֶעהְן מִיר פוּן דַאנֶען אֲפִילוּ דֶער חָתָן הָט נִיט גִיגֶעסִין בֵּיי דִיא כַּלָּה עֶר הָאט נָאר גִיטְרוּנְקֶען . קֶער עֶר שׁוֹין נִיט אָפּ נֶעמֶען דִיא מַתָּנוֹת . פְרֶעגְט דִיא גְמָרָא זֶעהְן מִיר דָאךְ פוּן דַאנֶען אֲפִילוּ עֶס אִיז נִיט ווֶערְט גִיוֶוען אַגִילְדִין זַיין עֶסִין אָדֶער זַיין טְרִינְקֶען פוּן דֶעסְטְווֶעגִין קֶען עֶר אוֹיךְ נִיט אָפּ נֶעמֶען צוּרִיק דִי מַתָּנוֹת . ווָארוּם אַגְלָאז ווַארֶעמְס אִיז דָאךְ נִיט ווֶערְט אַגִילְדִין אִיז דָאךְ אַקַשְׁיָא אוֹיף רָבָא . הָט רַב אַשִׁי גְזָאגְט ווֶער ווֶעט דָם אוּנְז זָאגֶן אַז מֶען הָאט נִיט צוּ שְׁטוֹיסֶען אַפֶּערִיל ווָס אִיז ווֶערְט טוּוֶענְד גִילְדִין אוּנ מֶען הָט

מרגליתא דשויא אלפא זוזי ואשקיה :

י ת"ר שלשה דברים צוה אחיתופל את בניו אל תהיו במחלוקת ואל תמרדו במלכות בית דוד ויום טוב של עצרת ברור זרעו חטים מר זוטרא אמר בלול אתמר אמרי נהרדעי משמיה דר' יעקב לא ברור ברור ממש ולא בלול בלול ממש אלא אפילו בלול ורוח צפונית מנשבתו זה הוא ברור א"ל רבי אבא לרב אשי אנן אדרב יצחק בר אבדימי מתנינן לה דאמר רב יצחק בר אבדימי מוצאי יום טוב האחרון של חג הכל צופים לעשן המערכה נטה כלפי צפון עניים שמחים ובעלי בתים עצבים מפני שגשמי שנה מרובים ופירות מרקיבים נטה כלפי דרום עניים עצבים ובעלי בתים שמחים מפני שגשמי שנה מועטים ופירות משתמרין . נטה כלפי מזרח הכל שמחים . נטה כלפי מערב הכל עצבים . ורמינהו מזרחית לעולם יפה . מערבית

שלשה דברים צוה אחיתופל. הכי הוה קים להו: אל תמרדו במלכות בית דוד. שלא אירע לו יפה: ויום טוב של עצרת. דהיינו שבועות אם תראוהו ברור לא ולא יום המעונן זרעו חטים שמצליחין באותה שנה. כעצם השמים לטוהר מתרגמינן לבירו: בלול. מעורב יום מעונן: ורוח צפונית מנשבת. שמפזרת העבים כדכתיב מצפון זהב יאתה רוח צפוני מטהר את היום כזהב: אנן אדרב יצחק וכו'. סימני תבואות לדעת אם יצליחו אם לאו אדרב יצחק סמכינן ולאו אסימני עצרת: (של חג. שמיני עצרת) ובשביל שבחג נידונים על המים: נטה כלפי צפון. רוח דרומית מנשבת בו ומטהו כלפי צפון ופירותיהן מרקיבין. ותאני שאין יכולין להשתמר נמכרין בזול: כלפי דרום. רוח צפון מנשבת בו: מפני שגשמי שנה מועטין. וכאותן הגשמים פירות הנזרעים מתברכין ושבאוצרות משתמרין ונמכרים ביוקר הרי ריוח לעשירים ועלב לעניים: למזרח כלם שמחים. שמערבית ממטרת כמדה ופירות אינו ביוקר: כלם עצבים. שמזרחית מונעת מטר ומביאה בצורת ויוקר גדול ופירות אינן נשמרין אלמא מזרחית קשה ומערבית יפה: ורמינהו.

אַרַיין גִישָׁאטֶן אִין דִי וַוארֶעמְס · טָאמֶער הָט מֶען יָא צוּ שְׁטוֹיסֶען אַטַייעֶרִין פֶּערִיל אוּנ אַרַיין גִישָׁאטֶן אִין דִיא וַוארֶעמְס וָואס אִיז אַרְפוּאָה ; אִיז שׁוֹין דִיא גְלָאז וַוארֶעמְס וֶוערְט גִיוֶועֶן מֶער וִויא אַגִילְדִין :

י תָּנוּ רַבָּנָן ; דִיא רַבָּנָן הָאבֶּען גִילֶערוּנְט דְרַייא זַאכֶען הָאט אֲחִיתוֹפֶל פַאר בָּאטִין זַיינֶע קִינְדֶער · אִיר זָאלְט אַייךְ נִיט קְרִיגֶען מִיט קְיינֶעם · אוּנ אִיר זָאלְט נִיט אַרָאפּ וַוארְפֶען פוּן זִיךְ דִיא מְלוּכָה פוּן דָוִד מִיט זַיינֶע קִינְדֶער וָואס וֶועלִין זַיין מְלָכִים נָאךְ אִים ; אוּנ אַז דֶער יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת וֶועט זַיין אַשַׁיינֶער טָאג נִיט פַר וָואלְקִינְט · זָאלְט אִיר זַייֶען ווַייץ · מַר זוּטְרָא זָאגְט פַאר קֶערְט הָאט מֶען גִילֶערוּנְט · אַז דֶער יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת וֶועט זַיין פַר וָואלְקִינְט זָאל מֶען זַייֶען ווַייץ · דִיא מֶענְטְשִׁין פוּן נְהַרְדְעִי זָאגֶן פוּן רַבִּי יַעֲקֹב וֶועגִין נִישְׁט מֶען מֵיינְט דֶער יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת זָאל זַיין גַאנְץ קְלָאר · אוּנ נִישְׁט מֶען מֵיינְט עֶס זָאל זַיין גַאנְץ פַאר וָואלְקִינְט · נָאר אַז עֶס אִיז פַר וָואלְקִינְט אוּנ אַצְפוֹן ווִינְט בְּלָאזְט · דָאס הֵייסְט קְלָאר · וָוארוּם דֶער צָפוֹן ווִינְט פַר טְרַייבְּט דִיא וָואלְקִינְס אוּנ עֶר מַאכְט שֵׁיין דֶעם טָאג · רַבִּי אַבָּא הָט גִזָאגְט צוּ רַב אַשִׁי מִיר פַר לָאזִין אוּנְז מִיט תְּבוּאָה פַר זַייֶען אוֹיף דִיא סִימָנִים פוּן רַב יִצְחָק בַּר אַבְדִימִי · וָוארוּם רַבִּי יִצְחָק בַּר אַבְדִימִי הָט גִזָאגְט וִויא עֶס גֵייט אַוֶועק דֶער לֶעצְטֶער טָאג סוּכּוֹת · וָואס מֵיינְט מֶען דִי נַאכְט וָואס נָאךְ שְׁמִינִי עֲצֶרֶת) הָאבֶּען אַלֶע גִיקוּקְט אוֹיף דֶעם רוֹיךְ וָוס גֵייט פוּן מִזְבֵּחַ · אוֹיבּ עֶס הָט גִיבְּלָאזִין אַווִינְט פוּן דָרוֹם זַייט אוּנ עֶר הָאט גִיבּוֹיגֶען דֶעם רוֹיךְ צוּ צָפוֹן זַייט · הָאבֶּען זִיךְ דִיא אָרֶעמֶע לַייט גִיפְרֵייט אוּנ דִיא בַּעֲלֵי בָּתִּים וָואס הַאנְדְלֶען מִיט תְּבוּאָה זֶענֶען גִיוֶועֶן טְרוֹירִיג · ווַייל אִין דֶעם יָאהר וֶועט זַיין פִיל רֶעגְנִין · וֶועלִין דִיא תְּבוּאָה פַר פוֹילְט וֶוערִין · וֶועט מֶען מוּזִין דִיא תְּבוּאָה וָואלְוִויל פַר קוֹיפֶען · אוּנ אַז דֶער ווִינְט הָט גִיבְּלָאזִין פוּן צָפוֹן זַייט · אוּנ עֶר הָאט גִיבּוֹיגֶען דֶעם רוֹיךְ צוּ דָרוֹם זַייט ; זֶענִין דִיא אָרֶעמֶע לַייט גִיוֶועֶן טְרוֹירִיג · אוּנ דִי בַּעֲלֵי בָּתִּים וָואס הַאנְדְלֶען מִיט תְּבוּאָה זֶענִין גִיוֶועֶן פְרֵייליךְ ווַייל אִין דֶעם יָאהר וֶועט זַיין ווֵיינִיג רֶעגֶען · וֶועט דִי תְּבוּאָה זַיין טְרוּקֶען · וֶועט מֶען זִיי קֶענֶען בֶּעהַאלְטִין אִין דִיא שְׁפַּייכְלֶערְס ; וועט תְּבוּאָה טַייעֶר וֶוערִין · אוּנ אַז דֶער ווִינְט אִיז פוּן מַעֲרָב זַייט · אוּנ עֶר הָאט גִיבּוֹיגִין דֶעם רוֹיךְ צוּ מִזְרַח זַייט · הָאבֶּען זִיךְ אַלֶע גִיפְרֵייט ווייל דֶער רֶעגִין פוּן דֶעם יָאהר אִיז מִיטֶעל · אוּנ תְּבוּאָה אִיז נִיט טַייעֶר · אוּנ אַז דֶער ווִינְט אִיז פוּן מִזְרַח זַייט · אוּנ עֶר הָט גִיבּוֹיגִין דֶעם רוֹיךְ צוּ מַעֲרָב זַייט · זֶענִין אַלֶע גִיוֶועֶן טְרוֹירִיג · וָוארוּם אִין דֶעם יָאהר וֶועט קֵיין רֶעגִין נִיט זַיין · אוּנ תְּבוּאָה וֶועט נִיט

מכד בריית' דקתני איפכא: בשעה שהביאו שליש. אין צריכין למטר: שלחן בצפון. כדכתיב ואת השלחן תתן על צלע צפון: ומנורה בדרום. כדכתיב ואת המנורה נוכח השלחן: והאי מרבי כו' כל אחד מגדל את שלו לחם חטים על השלחן בצפון וצפונית יפה להטים שמן זית מדליקין במנורה שבדרום ודרומית יפה לזיתים: הא לן לבני בבל השוכנים במצולה ואדמתן מלוחלחת ואינה צריכה למטר כ"כ: לדידן מיהנייא בריית' בתרייתא שמערבית קשה לפי שממטרת יותר מדאי: לבני בבל מזיקות יפה. ובריית' קמייתא דמתני איפכא: להו. לבני ארץ ישראל שארץ גבוהה וצריכה למטר הרבה: כולה שתא חמימא. כל ומר רוב שנה: לתפלתו של כהן גדול. שיהא מתפלל ביה"כ שתהא השנה הזאת גשומה ושחונה ומפרש גשומה אם שחונה ועתה לפי הענין שיהא כל השנה יתפלל ביה"כ:
ההא לקמיה דרבא. כדי לחזור בו ולומר שאינו יודע בטיב משא ומתן: אמרי ליה קרובים. לאותו יתום: זיל אכיל תמרי. והשלך גרעינים לפני רבא

מערבית לעולם קשה. רוח צפונית יפה לחטים בשעה שהביא שליש וקשה לזיתים בשעה שיניצו. ורוח דרומית קשה להיטים בשעה שהביאו שליש ויפה לזיתים בשעה שיניצו וא"ר יוסף ואי תימא מר זוטרא ואיתימא רב נחמן בר יצחק וסימנך שלחן בצפון ומנורה בדרום האי מרבי דידיה והאי מרבי דידיה לא קשיא הא לן והא להו. תניא אבא שאול אומר יום טוב של עצרת ברור סימן יפה לכל השנה אמר רב זביד האי יומא קמא דריש שתא אי חמימא כולא שתא חמימא אי קרירא כולא שתא קרירא למאי נ"מ (ע"ב) להפלתו של כהן גדול:
(דף קנה ע"ב) **יא ההוא** פחות מבן עשרים דאזיל זבין נכסיה (דאבוה) אתא לקמיה דרבא אמרי ליה קרובי' זיל אכיל תמרי ושדי ביה

וואו קשין. וועט זיין אהונגער. פרעגט דיא גמרא פון דאנען זעהן מיר אז אמזרח ווינט איז שלעכט און אמערב ווינט איז גוט מיר האבען דאך גילערונט פאר קערט אמזרה ווינט איז אייביג גוט און אמערב ווינט איז אייביג שלעכט. אצפון ווינט איז גוט צו ווייץ ווען זייא האבען שון אויף גיוואקסען אדריטעל. און ער איז שלעכט צו אייל בירטען ווען זייא בליהען. און אדרום ווינט איז שלעכט צו ווייץ ווען זייא האבען שוין אויף גיוואקסען אדריטעל. און ער איז גוט צו איילבירטען ווען זייא בליהען: און רב יוסף האט גזאגט. אנדערע זאגין מר זוטרא האט גזאגט. און אנדערע זאגן רב נחמן בר יצחק הט גזאגט דער סימן איז דער טיש מיט דעט לחם הפנים איז גישטאנען אין בית המקדש אין צפון זייט. און דיא מנורה איז גישטאנען אין דרום זייט. דער צפון ווינט מאכט וואקסען פר זיך. ער מאכט וואקסן דיא ווייץ צום לחם הפנים. און דער דרום ווינט מאכט וואקסען פר זיך. ער מאכט וואקסן דיא בוימאייל צו דיא מנורה איז דאך אבער אקשיא פון מזרח ווינט מיט מערב ווינט. אמאהל שטייט אז מזרח ווינט איז גוט און מערב ווינט איז שלעכט. און אמאהל שטייט פר קערט מזרה ווינט איז שלעכט און מערב ווינט איז גוט. זאגט די גמרא עס איז ניט קיין קשיא. ביי אונז וואס מיר וואוהנען אין בבל וואס דיא ערד איז נאס פון זיך אליין איז אמזרה ווינט גוט ווייל ער האלט אויף דעם רעגין און אמערב ווינט איז שלעכט. ווייל ער בריינגט רעגין צו די נאסער ד. ווערט דיא ערד צו פיל נאס ווערין די פרות פר פוילט. אבער ביי זייא אין ארץ ישראל ווס די ערד איז טרוקען און זיא דארף רעגין. איז אמערב ווינט גוט ווייל ער בריינגט רעגין. און אמזרה ווינט איז שלעכט ווייל ער האלט אויף די רעגין. מיר האבן גילערונט אבא שאול זאגט אז דער יום טוב שבועות איז קלאר. דער הימעל איז ניט פאר וואלקינט. איז אגוטער סימן צום גאנצין יאר. רב זביד זאגט אז דער ערשטער טאג ראש השנה איז ווארעם וועט זיין דם מערסטע צייט פון יאהר ווארעם. און אויב דער ערשטער טאג ראש השנה איז קאלט וועט זיין דאס מערסטע צייט פון יאהר קאלט. צו וואס דארפין מיר וויסען פריעד ווי דער יאהר וועט זיין זאגט דיא גמרא צו דער תפלה פון כהן גדול אום יום כפור אז דער כהן גדול זעהט דער ערשטער טאג ראש השנה איז קאלט. בעט ער אום יום כפור דער יאהר זאל זיין ווארעם. און אז ער זעהט דער ערשטער טאג ראש השנה איז ווארעם. בעט ער אום יום כפור דער יאהר זאל ניט זיין צוא פיל היים נאר עס זאל גיין רעגין צוא דער צייט ווען מען וועט דארפין:

יא ההוא. איונגער מענטש וואס ער איז גיוועין איתום און ער איז אלט גיוועין ווייניגער

ביה קשייתא בי רבא עבד הכי אמר להו זבינ'ה לאו זביני כי כתבו ליה שטרא אמרי ליה לקוחות זיל אימא ליה לרבא מגלת אסתר בזוזא שטרא דמר בזוזא אזל א"ל אמר להו זביניה זבינא א"ל קרוביה לקוחות אגמרוה א"ל מסברי ליה וסבר כיון דמסברי ליה וסבר מידע ידע והא דעביד הכי חוצפא יתירה הוא דהוה ביה :

(דף קנח ע"ב) **יא א"ר** שמלאי עדא אמרה בן עזאי תלמיד חבר דר"ע הוה דקאמר ליה שבאת :

(דף קנט) **יב איתמר** בן שמכר בנכסי אביו בחיי אביו ומת בנו מוציא מיד הלקוחות

ויהיה סבור שאתה שוטה ויחזיר לך נכסיך : כי כתבו ליה שטרא. פסק דין שיחזירו לו נכסיו : א"ל לקוחות כו'. הודיעוהו דבר חכמה שיאמר בפני רבא ויחשב חכם בעיניו ויודע בטיב משא ומתן ולא יכסיפו לקוחות מקחם : מגלת אסתר. שהוא דבר גדול רגיל סופר לכתוב בזוזא ובשביל שטר קטן שכותב לי שואל לי זוז בתמיה : א"ל קרובים. לרבא : לקוחות אגמרוהו. לומר כן לפניך אך אינו יודע כלום : א"ל כיון דמסברי ליה דבר חכמה ויודע להבין חכם הוא וממכרו ממכר והאי דעביד קבייתא חוצפא בעלמא הוא דעביד לא מתוך שטות :

א"ר שמלאי עדא. כמו זאת אומרת מדקאמר ליה בן עזאי לר"ע במשנתנו שבאת בלשון הדיוט ולא א"ל בלשון כבוד שבא רבינו ש"מ דבן עזאי תלמיד חבר של ר"ע היה משום הכי לא חלק לו כבוד כ"כ שהלכו שניהם ללמוד תורה לפני רבי אליעזר הגדול ולפי שהיה בן עזאי בחור לא היה יכול לסבור סברא כר"ע בתלמוד וגמר גמרא והדר הלך בן עזאי לפני ר"ע להסביר סברא עכ"ל רשב"ם

למדנו מזה כי ימי הזקנה מחייבים שכלא יתרה ובימי הבחרות יאות להרבות בלמוד על פה כמאמרם במקום אחר גמר ואח"כ כתת : בן שמכר בנכסי אביו בחיי אביו ומת. הבן בחיי אביו ואח"כ מת אביו והחזיק הלוקח במה שמכר לו

וויא צוואנציג יאהר איז ער גיגאנגען אונ האט פאר קויפט זיינע פעלדער. דער נאך איז ער גיקומען פאר רבא זאגין אז ער ווייס נאך ניט וויא מען האנדילט איז זיין פאר קויפען גאר ניט וויל ער צוריק געבין דס געלט אונ מען זאל אים צוריק געבין די פעלדער: האבען די גוטע פריינד פון דעם יתום גזאגט צום יתום אז דו וועסט אריין קומען צו רבא אין שטוב זאלסטו עסין טייטלען אונ דו זאלסט ווארפען די קערנער פאר רבא. וועט רבא מיינען אז דו ביסט א נאר. וועט ער פסקנן אז דיין פר קופען איז גאר ניט. הט דער יתום אזוי גיטאהן. האט רבא גזאגט צו דיא קויפערס זיין פר קויפין איז גאר ניט. אז מען הט געשריבען דעם פסק דין ער זאל אפ נעמען די פעלדער צוריק. האבען דיא קויפערס גזאגט צום יתום גיי זאג צו רבא די מגלת אסתר וואס זי איז גרוס שרייבט דער סופר פאר א גילדין. פר דעם פסק דין ווס דס איז אקליין שטיקול פאפיר זאל איך אויך געבין דעם סופר א גילדין (די קויפערס האבען אויס גילערנט דעם יתום אחכמה אין האנדילשאפט, ער זאל דס זאגין פר רבא. אונ רבא וועט ניט וויסען אז מען הט דס אים אויס גילערנט ער וועט מיינען דער יתום זאגט דס מיט זיין שכל. איז ער דאך קלוג אין האנדיל. וועט רבא ניט הייסען צוריק געבין דיא פעלדער). איז דער יתום גיגאנגען צו רבא אונ הט גזאגט ווי די קויפערס האבען אים אויס גילערנט. הט רבא גזאגט זיין פר קויפונג איז גוט. אונ ער קען ניט חרטה האבין. האבין דיא גוטע פריינד פון יתום גזאגט צו רבא דיא קויפערס האבין אים אויס גילערנט ער זאל דאס זאגין. הט רבא גזאגט אז מען לערנט אים אחכמה אונ ער פר שטייט אז דאס איז אחכמה. איז ער ניט קיין נאר. האט ער גיוואוסט די פעלדער אויך וויא אזוי צו פר קויפין. אונ דס ווס ער האט גיווארפין פאר מיר דיא קערנער איז ניט גיוועז דורך נארעשקייט נאר ווייל ער איז אגרויסער עזות פנים :

יב אמר. רבי שמלאי האט גזאגט פון דאנען ווייסען מיר אז בן עזאי איז גיוועזן אתלמיד פון רבי עקיבא אונ ער איז גיוועזן זיינער אחבר אויך. ווארום בן עזאי הט גזאגט צו רבי עקיבא דו ביסט גיקומען. אונ ער הט ניט גזאגט דער רבי איז גיקומען :

יג איתמר. מיר האבען גילערנט אז אזוהן הט פאר קויפט דעם פאטערס פעלדער. אונ דער פאטער האט נאך גילעבט. נאר זייא האבין גיקויפט אז דער פאטער וועט שטארבין זאלין זייא נעמען וואס דער זוהן דארף ירשנן. אונ דער זוהן איז גישטארבין ווען דער פאטער האט נאך גילעבט. דער נאך איז גישטארבין דער פאטער. איז גיגאנגען דער קויפער אונ האט צו גינומען דעם פאטערס פר מעגין. קען קומען דעם זוהנס זיהן אונ אוועק נעמען פון דעם

הלקוחות וזו היא שקשה כדיני ממונות ולימרו ליה אבוך מזבין את מפיק מאי קושיא מצי אמר מכח אבוה דאבא קאתינא תדע דכתיב (תהלים מה) תחת אבותיך יהיו בניך תשיתמו לשרים בכל הארץ לא לעולם כדאמרינן מעיקרא ודקא קשיא לך תחת אבותיך יהיו בניך ההוא בברכה כתיב :

גט פשוט פרק עשירי

(דף קסד ע"ב) **א ההוא** שטרא דהוה כתוב ביה בשנת פלוני ארכן א"ר חנינא יבדק אימתי עכד ארכן בארכנותיה ודילמא דאריך

א הכן כמו כל בן/מוציא מיד הלקוחות : וזו היא קשה . בדבר תימה הוא אבוה מזבין והיכי אמתי תאי מפיק : מאי קושיא . להכי מוציא מיד הלקוחות דמצי למימר אבא כשמכר נכסים הללו לא היה עדיין שוחק בהן לפי שאביו היה קיים והוא מת קודם לאביו ולא באו נכסים לידו והנו יורשים מכח אבי אביו להכי מוציא מיד הלקוחות דהכוה לא מזבין . וממאי דמצי למימר הכי דמכח אבוה דאבא אתינא תדע דהכי כתיב קרא תחת אבותיך יהיו בניך אלמא דבמקום אבי אביו מצי למיקם דכי היכי דאבי אביו מוציא מיד לקוחות ה"נ מצי הבן . לעולם כדאמרינן מעיקרא . בן שמכר בחיי אביו ומת בנו מוציא מיד הלקוחות וזו היא קשה בדיני ממונות ודקא קשיא לך מאי קשיא וכו' ומתרצת תחת אבותיך יהיו בניך התם בברכה הוא דכתיב תשיתמו לשרים אבל לענין דינא לא דיינינן הכי :

הוא שטר פשוט . דהוה כתיב ביה בשנת פלוני ארכן לוה פלוני מפלוני ולא היה כתוב ביה כמה שנים למלכות של אותו מלך ראשונה או שניה או שלישית : ארכן זה מלך ובשנה ראשונה קורין לו ארכן כדאמרן לפי שעתה מתוקן הוא כמו אריך או לא אריך כמו וערות מלכא לא אריך - לנא למיחזי לא נאה לנו לראות ערותו של מלך וחרפתו : יבדק אימתי עמד ארכן במלכותו . כי בשנה ראשונה במלכותו נכתב שטר זה ומהכיא שעתא טריפי בעלי חובות ללקוחות

קויפער . דער דין איז דער שווערסטער פון דיא דינים וואס זענען ביי געלט זאכען . ווארום דער קויפער קען זאגין צום דעם זוהנם זוהן . דיין פאטער האט אונז פר קויפט וואס ער וועט ירשענען פון דיין זיידין . וויא אזו קענסטו דאס וועלין אפ נעמען פון מיר . פרעגט די גמרא פר וואס איז דער דין אזו שווער . דער אייניקול קען דאך זאגין ווען מיין פאטער האט פאר קויפט די פעלדער זענען זייא דאך נאך ניט גיוועזן זיינע . ווארום דער זיידע האט דאך גילעבט . אונ מיין פאטער איז גישטארבין ווען דער זיידע האט נאך גילעבט . זענען דיא פעלדער קיין מאהל ניט גיוועזן מיין פאטערס . אונ איצט אז מיין זיידע איז גישטארבין קום איך ירשענען מיין זיידען אונ איך וועל דיר ווייזין אז עס איז אזו , ווארום עס שטייט אין פסוק אן שטאט דיינע עלטערין וועלין זיין דיינע קינדער נדוא וועסט זיי מאכען פר פירשטען אין דער גאנצער וועלט . למשל ראובנ'ס זוהן וועט זיין אן שטאט ראובנ'ס פאטער . זעהן מיר אז דער אייניקול קען אמאהל זיין אויף דעם זיידינם ארט . אונ אזוי ווי עס וואלט גיוועזן אז דער זיידע וואלט גילעבט . וואלטין דאך דיא קויפערס ניט גיקענט צו נעמען פון אים וואס זיין זוהן הט פאר קויפט . אזו קענען ניט דיא קויפערס צו נעמען פון דעם אייניקול וואס זיין פאטער הט פאר קויפט ענטפערט דיא גמרא עס איז טאקי וויא מיר האבען פריידר גזאגט . אז. דער דין איז דער שווערסטער פון די דינים וואס זענען ביי געלט זאכען . אונ וואס דוא פרעגסט עס שטייט דאך אין פסוק אן שטאט דיינע עלטערין וועלין זיין דיינע קינדער . זעהן מיר דאך אז דער אייניקול קומט אויף דעם זיידונס ארט . דס איז ניט צו ווייזין אויף אדין . דס איז נאר אברכה . דיינע קינדער וועלין האבין זייער גרויסקייט ניט פון דיר נאר פון דיינע עלטערין : אונ דו מיט דיינע קינדער וועלין גיוועלטיגן צו זאמען . דוא וועסט זיין א מלך אונ דיינע קינדער וועסטו מאכען פאר שרים אין דעם גאנצן לאנד :

פרק עשירי

א ההוא . אין א וועקסיל איז אמאהל גיוועזן געשריבען אין דעם יאהר ארכן נאין דעם יאהר פון מלך) האט ראובן גיבארגט ביי שמעון הונדערט גילדין וועס איז אבער ניט גישטאנען אין דעם וויפילטען יאהר פון מלך דאס איז גיוועזן . האט רבי חנינא גזאגט מען דארף זעהן וועלכען טאג אין יאהר איז דער מלך גיווארין אמלך . פרעגט דיא גמרא פון וואנען ווייסטו אז דער וועקסיל איז געשריבען גיווארין דעם ערשטין יאהר פון דער מלוכה . אונ דוא פרעגסט נאר

דאריך מ כותיה א"ר אושעיא כך מנהגה של אומה זו שנה ראשונה קורין לו ארכן שניה קורין לו דיגון :

ב ההוא מקישר דאתא לקמיה דרבי אמר רבי אין זמן בזה א"ל רבי שמעון ברבי לרבי שמא בין קשריו הוא טובלע פליה והזייה הדר חזא ביה רבי בבישות א"ל לאו אנא כתביה אלא יהודה חייטא כתביה א"ל כלך מלשון הרע כזה זימנא חדא הוה יתיב ר' שמעון בר רבי וקפסיק סדרא בספר תהלים קמיה דרבי ואמר רבי כמה מיושר כתב זה אמר ליה לאו אנא כתבתיה אלא יהודה חייטא כתביה א"ל כלך מלה"ר כזה בשלמא התם איכא לה"ר אלא הכא מאי לה"ר איכא משום דרב דימי דתני רב דימי אחוה דרב ספרא לעולם אל יספר אדם בטובתו של חבירו שמתוך טובתו בא לידי רעתו . אמר רב עמרם אמר רב שלשה עבירות אין אדם ניצול מהם בכל יום הרהור עבירה ועיון תפלה ולה"ר. לה"ר ס"ד (דף קסה) אלא אימא

אבק

לנקוחות : דאריך במלכוהו . כלומר לאחר שהאריך ומלך כמה שנים לזה פלוני זה מפ.וני ולא יטרפו לקוחות אלא מכאן ולהבא : שנה ראשונה. קורין לו ארכן . מתוקן למלכוהו מחדש : דיגון . לשון שנים וקרוב ללעז שלה :

אין זמן בזה. בתמיה : חזא ביה בישות. היה סבור שהוא כתבו ובראותו לא היו עושין מקושר אלא פשוט לפי שטועין בו א"נ שהיה מובלע בין קשריו יותר מדאי שרבי עלמו טעה.בו : יהודה חייטא. כך שמו : כלך מלה"ר כזה . כלומר לא היה לך להטיל אשמה עליו אלא היה לך לומר לא כתבתיו : וקא פסיק סדרא. היה גומר אחד מה' ספרים שבתהלים : כמה מיושר כתב זה . הרבה כהב בדקדוק : מאי לה"ר איכא. והלא בשבחו ספר : בא לידי רעתו . מתוך שמרבין לדבר בשבחו מזכירין שום גנות שבו : עיון תפלה . יש מפרש שלאחר שהתפלל קוטב בלבו שיעשה הקב"ה בקשתו לפי שהתפלל בכוונה:

אויף דעם-טאג. וועלכין טאג אין יאהר. טאמער וועז דער וועקסיל איז געשריבען געווארין אין שוין דער מלך געוועזען עטליכע יאהר אין דער מלוכה. דארף מען דאך וויסען דער וויפילטער יאהר דאס איז געוועזען. האט רבי אושעיא געזאגט אזו איז דער מנהג פון דעם מאלק דעם ערשטין יאהר רופט מען דעם מלך ארכן. דעם אנדערין יאהר רופט מען אים דיגין. אונ אז אין וועקסיל שטייט ארכן ווייס מען אז דער וועקסיל איז געשריבען געווארין אין דעם ערשטין יאהר ווייא ער איז געווארין א מלך :

ב ההוא. אמאהל איז געבראכט געווארין פאר רבי אגעקנייטשטער גט. האט רבי געזאגט אין גט שטייט גאר ניט ווען ער איז געשריבען געווארין. האט רבי שמעון ברבי געזאגט צוא רבי טאמער איז דער טאג געשריבען צווישען דיא קנייטשין. האט רבי געעפינט דיא קנייטשין אונ ער האט געזעהן עס שטייט געשריבען דער טאג ווען דער גט איז געשריבען געווארין. דער נאך האט רבי שלעכט געקוקט אויף זיין זוהן רבי שמעון. ווארום רבי האט געמיינט אז רבי שמעון האט געשריבען דעם גט. האט רבי שמעון געזאגט ניט איך האב געשריבען דעם גט נאר יהודה חייטא האט אים געשריבען. האט רבי געזאגט צו רבי שמעון גיי אוועק פון דיא לשון הרע. דו האסט ניט געדארפט זאגין ווער עס האט געשריבען. דוא האסט נאר געדארפט זאגין איך האב ניט געשריבען : אמאהל איז געזעסין רבי שמעון ברבי אונ ער האט אויס געלערנט א ספר תהלים פאר רבי. האט רבי געזאגט וויא גלייך איז געשריבען דאס געשריפט. האט רבי שמעון געזאגט ניט איך האב דאס געשריבען נאר יהודה חייטא האט דאס געשריבען. האט רבי געזאגט צו רבי שמעון גיי אוועק פון אזוי א לשון הרע. פרעגט דיא גמרא פריער איז רעכט עס איז געוועזען לשון הרע. אבער דא איצט וואס פאר א לשון הרע איז געוועזען. ער האט דאך געלויבט דעם יהודה חייטא אז ער שרייבט שיין : ענטפערט דיא גמרא אזוי ווי רב דימי דער ברודער פון רב ספרא האט געלערנט א מענטש זאל ניט לויבין זיין חבר. ווארום פון דעם לויבין קומט מען צו שענדין. נאר מען דארף גאר ניט ריידין פון אפרעמדין מענטשין. ניט גוט ניט שלעכט : רב עמרם האט געזאגט פון רבס וועגין דריי עבירות טוהט יעדער מענטש אלע טאג. ער טראכט פון זנות. אונ אוב ער האט נוט גידאווינט טראכט ער איך בין ווערט גאט זאל מיר געבין וואס איך פערלאנג ווייל איך האב גוט גידאווינט : אונ כמעט רעט לשון הרע. פרעגט דיא גמרא ריידין דען אלע לשון הרע. ענטפערט דיא גמרא אבחה לשון הרע ריידין ניט אלע. אבער שטויב פון לשון הרע ריידין אלע. רב יהודה האט געזאגט

אבק לה"ר . אמר רב יהודה אמר רב רובן בגזל ומיעוטן בעריות והכל בלה"ר לה"ר ס"ד אלא באבק לשון הרע :

(ד ף קסז) **ג אמר** אביי האי מאן דבעי למחוי חתימת ידיה בבי דינא לא לחוי בסוף מגילתא דלמא משכח לה אחד וכתב דמסיק ביה זוזי ותנן הוציא עליו כתב ידו שהוא חייב לו גובה מנכסים בני חורין . ההוא בזבינא דאתא לקמיה ד אביי א"ל נחזי לי מר חתימת ידיה דכי אתו רבנן אחוי ליה בריש מגילתא הוה קא נגיד ביה א"ל כבר קדמוך רבנן :

ד ההוא שטרא דהוה חתים עליה רבא ורב אחא בר אדא אתא לקמיה דרבא א"ל אין חתימת ידא דידי היא מיהו קמיה דרב אחא בר אדא לא חתימי לי מעולם כפתיה

אבק לה"ר . כגון דאמר נורא בי פלניא בעדכין : רובן בגזל . רוב בני אדם חשודים על הגזל כעין גזל שמורין לעצמן היתרא במשא ומתן לעבור מדיות הראוי לחבריהם :

למחוי חתימת ידיה בבי דינא. אדם שצריך לכתוב חתימה ידו על הנייר ולהראות לב"ד כדי שיכירו ב"ר חתימתו כי שכיחא דאמרינן פ"ק דאשה שנתארמנה וזהו : בזבינא . מוכס ישראל הוה: הוי הלפי רבנן וסבלר כתב ידך נמחוי כמכה אמתול להם אוה קא נגיד מושך נייר כדי שיתתום אבי מלמטה :

אין חתימת ידי היא. שחיתה דומה לכתיבתו: בשלמא. מחוו לי מעברנא להו בלא מכסא

פון רבם וועגין דאס מערסטע מענטשין האבין די עבירה פון גזלה : און אביסול מענטשין האבין די עבירה פון זנות · און אלע מענטשין האבין די עבירה פון לשון הרע . פרעגט די גמרא ריידין דען אלע לשון הרע . ענטפערט די גמרא אמתה ך שון הרע ריידין ניט אלע . אבער שטויב פון לשון הרע ריידין אלע ולמשל איינער פרעגט ביא זיין חבר וואו קען איך בעקומען פייער . ענטפערט זיין חבר גיי אריין אין די שטוב דארט וועסטו באקומען פייער . ווייל דארט קאכט מען גאנצע טעג . דס הייסט שטויב פון לשון הרע :

ג אמר אביי האט גזאגט אז א מענטש דארף שרייבין זיין נאמען און ווייזין ביי בית דין זיין אונטער שריפט . זאל ער ניט שרייבין א ויף דעם פאפיר אונטען אדער אין מיטען . טאמער וועט די שטיקל פאפיר פאר לוירין ווערין און איינער וועט דאס געפינען און ער וועט אויף שרייבין הויבין איבער זיין נאמען אז דער מענטש האט גיבארגט ביי אים געלט . און מיר האבין גילערונט אז איינער ברענגט צו בית דין אוועקסיל אז זיין חבר איז אים שולדיג הונדערט גילדין . און דער חבר האט אליין אונטער געשריבען זיין נאמען אויף דעם וועקסיל . נעמט ער אפ פון דעם פאר מעגין וואס ער האט פרייע ניט פאר קויפטע . נאר ער זאל שרייבין זיין נאמען אויף דעם פאפיר כון הויבין : אז איבער זיין נאמען זאל מען גאר ניט קענען שרייבין . אייד וואס איז גיוועסין נעבין אבריק אפ צו נעמען בריק געלט . איז ער אמאהל גיקומען צו אביי און האט גזאגט צו אים שרייב אויף דיין אונטער שריפט . און איך וועל דעם פאפיר מיט דיין אונטער שריפט נעמען צו זיך . אז די רבנן וועלין קומען אריבער גיין דעם בריק וועלין זיי מיר ווייזין דיין אונטער שריפט אז זייא זענין דיינע תלמידים וועל איך זעהן אז דיין אונטער שריפט וואס זיי וועלין האבין וועט זיין גלייך צוא דעם אונטער שריפט דיינעם וואס איך וועל האבין ביא זיך וועל איך זייא לאזין אריבער גיין דעם בריק אן געלט . האט אביי גינומען א פאפיר און האט גיוואלט הויבין אויף שרייבין זיין נאמען . האט דער בריקער גיצויגין דעם פאפיר אז אביי זאל ניט שרייבין הויבין נאר אונטען ווארום ער האט גיוואלט אויף שרייבין א וועקסיל אויף אביין : האט אביי גזאגט צום בריקער די רבנן האבין שוין פריער פאר זארגט מען זאל ניט קענען מאכין פאלשע וועקסלין . האבין זייא גיהייסין שרייבין א חתימה הויבין ניט אונטען :

ד ההוא . אויף א וועקסיל איז אמאהל גיווען גיחתמת צוויי עדות . רבא און רב אחא בר אדא . איז דער וועקסיל ג קומען פר רבא . הט רבא גזאגט צו דעם מענטש דער אונטער שריפט איז טאקי מיינער . נאר איך האב מיך קיין מאהל ניט אונטער גע שרייבען פריער פר רב אחא בר אדא . האט רבא גיהייסין מען זאל דעם מענטש בינדען . האט ער מודה גיווען אז די

כפתיה ואודי א"ל בשלמא דידי זייפת אלא דרב אחא בר אדא דרתית ידיה היכי עבדת אמר ליה אנחי ידאי אמצרא ואמרי לה קם אזרונקא וכתב:

(דף קנג ע"ב) **ה א"ר** הונא מנין לערב דמשתעבד דכתיב (בראשית מג) אנכי אערבנו מידי תבקשנו מתקיף לה רב חסדא הא קבלנות הוא דכתיב (שם מג) הנה אותו על ידי ואני אשיבנו אלא א"ר יצחק מהכא (משלי כז) קח בגדו כי ערב

תהימת ידי מגית לזייפי שפיר משום דכהור אגא וכוונת כתיבתי: דרתית ידיה. מחמת שהיה זקן היתה ידו מרתת: היכי. מגית לכוין כתיבתו: אמר ליה אנחי ידאי אמיצרא. בעבר הנהר הי' נסר קצר כמו גשר ובכפת הנהר מזה קנוע יתד ובעבר האחר יתד אחד וקשור חבל מזה לזה וסומכין שם ידיהם כשעוברים על גבי אותו נסר צר ומרתת מכח המים ועל אותו נסר הנחתי ידי והיה מירתת כיד של זקן וזייפתי: זרניקא. שקורין ליגולי"א שדולין בו מים מן הבור (והוא מירתת ועליו הנחתי ידי); קם אזרונקא. עלה עליה ותחם וכל גופו נע ונד וידיו רותתות: מנין לערב שמשתעבד. באמירה בעלמא בלא קנין: קבלנות. לקמן מפרש תן לו ואני קבלן באמירה בעלמא הוי קבלן והכי מוכח לקמן בשמעתין אבל אם כלא וכתן ביד אמרינן לקמן דאין למלוה על הלוה כלום: הנה אותו על ידי. כלומר כאילו מקבלו בידי ואחזירנו לך: קח בגדו. למלוה קאמר קח קח בגדו

חתימה איז אפאלשע. האט רבא געזאגט צוא דעם מענטש. מיין אונטער שריפט האסטו געקענט נאך שרייבין. ווייל איך בין איונגער מענטש אונ דוא ביסט איונגער מענטש. אבער דעם אונטער שריפט פון רב אחא בר אדא וויא אזו האסטו נאך געשריבען. אים ציטערט דאך דיא האנט אונ דיר ניט. האט דער מענטש געזאגט אויף דעם טייך ליגט אשמאלע ברעטיל אריבער צוא גיין פון איין זייט טייך אויף דיא אנדערע זייט. אונ ווייל דיא ברעטל איז שמאל איז אויף דעם זייט טייך אביין געשטעקט אהאלץ אין דיא ערד. אונ אויף דיא אנדערע זייט טייך איז אריין געשטעקט אהאלץ אין דיא ערד. אונ פון איין האלץ ביז צום אנדערין האלץ איז אן גיבונדען אשטריק. אז מען גייט איבער דעם וואסער אויף דיא שמאלע ברעטיל. האלט מען צוא מיט דיא הענט דעם שטריק מען זאל ניט אריין פאלין. אונ דאס ברעטיל שאקילט זיך פון דיא וואסער. אונ אויף דעם ברעטיל האב איך גילייגט די האנט ווען איך האב געשריבען דעם אונטער שריפט פון רב אחא. האט מיר די האנט געציטערט. האב איך גוט נאך געשריבען זיין אונטער שריפט. אנדערע זאגין אזוי האט דער מענטש געזאגט צו רבא. איך האב מיך געשטעלט אויף דעם העמער וואס מען שעפט מיט אים וואסער פון ברונען. אונ דער העמער האט זיך געשאקילט האב איך מיך אויך געשאקילט האבין דיא הענט מיינע געציטערט ווען איך האב געשריבען דעם אונטער שריפט פון רב אחא בר אדא:

ה אמר. רב הונא האט געזאגט פון וואנען ווייסען מיר אז אערב מוז בצאהלין ולמשל ראובן האט געזאגט צו שמעון בארג געלט צו לוי. אונ אויב לוי וועט דיר ניט בצאהלין וועל איך דיר בצאהלין. אונ שמעון האט גיגעבין דאס געלט צו לוי. אונ לוי האט ניט בצאהלט. פון וואנען ווייסען מיר אז ראובן דארף בצאהלין. ווארום עס שטייט אין פסוק יהודה האט געזאגט צום פאטער איך בין ערב פאר בנימין פון מיין האנט וועסטו אים פאר לאנגען. איך זאל דיר אים צוריק געבין. האט רב חסדא גיפרעגט יהודה איז דאך גיוועזן אערב קבלן. ווארום יהודה האט גינומען בנימין פון יעקבס האנט. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק יהודה האט געזאגט צו יעקב גיב בנימין אויף מיין האנט אונ איך וועל דיר אים צוריק געבין. דריבער איז געווים אז יהודה דארף צוריק שטעלין בנימין צום פאטער. אונ למשל אז ראובן וואלט גינומען געלט פון שמעון אונ וואלט גיגעבין צו לוי. ווייסין מיר געווים אז ראובן דארף דיא געלט צוריק געבין צו שמעון. ווארום וואס האט שמעון מיט לוי. אבער אז ראובן האט ניט גינומען דאס געלט פון שמעון. ער האט נאר געזאגט צו שמעון בארג דאס געלט צו לוי אונ אויב לוי וועט ניט בצאהלין וועל איך בצאהלין אונ שמעון אליין האט גיגעבין דם געלט צוא לוי אונ לוי האט ניט בצאהלט פון וואנען ווייסען מיר אז ראובן דארף בצאהלין. האט רבי יצחק געזאגט פון דעם פסוק ווייסין מיר: דער פסוק זאגט צום מלוה נעם דיא קלייד פון ערב. ווייל ער האט ערב גיוועזן פאר אפרעמדין אונ פאר דעם פרעמדין וואס ער האט פאר אים

נגהו של ערב כי ערב בשביל איש זר דהיינו אמירה בעלמא דלא כתיב הכא קבלנות : בני אם ערבת לרעך . ממון או מקעת באמרי פיך שתרפתו וגדפתו : עשה זאת אפוא בני והנצל . משני דברים כלא : על כי באם בכף רעך . ויטינו ממון פיס לו עליך : לך התרפס התר לו פסת ידך ותן לו מעותיו והרב רעך על ממונו הרבה עליו רעים ובקש מחילה :

ערב זר ובעד נכריה חבלהו ואומר (שם ו) בני אם ערבת לרעך תקעת לזר כפך נ"קשת באמרי פיך נלכדת באמרי פיך עשה זאת אפוא בני והנצל כי באת בכף רעך לך התרפס ורהב רעך אם מכון יש לו בידך התר לו פכת יד ואם לאו הרבה עליו רעים :

(דף קעה ע"ב) ו משנה אמר רבי ישמעאל הרוצה שיחכים יותר יעסוק בדיני ממונות שאין לך מקצוע בתורה יותר מהם והם כמעין הנובע והרוצה שיעסוק בדיני ממונות ישמש את שמעון בן ננס :

הדרן עלך מסכת בבא בתרא

ערב גיוועו זאלסטו גענומען ביי אים משכנות . נאך זאגט דער פסוק מיין זוהן אויב דוא האסט ערב גיוועו פאר דיין חבר . דוא האסט גיגעבין דיין האנט פאר אפרעמדין . אדער דוא ביסט גישטרויכלט גיווארין מיט דיא זאג פון דיין מויל . דוא ביסט בצוואנגען גיווארין מיט דיא זאג פון דיין מויל (דאס מיינט מען דוא האסט איינעם גיפלוכט אונ געזידולט) . איצט מיין זוהן זאלסטו אזוי טאהן וועסטו גירעטעט ווערין . אויב דוא ביסט גיקומען אין דיא האנט פון דיין חבר . דו האסט גיגעבין דיין חבר דיא האנט דוא זאלסט בצאהלין אפרעמדין חוב . לך התרפס . העפין אויף דיא האנט דיינע אונ בצאהל דאס געלט . אונ אויב דוא האסט דיין חבר גיפלוכט אדער געזידולט : רהב רעך . זאלסטו גרויס מאכען דיין חבר אונ זאלסט שיקען צו אים פיל גוטע פריינד אים איבער בעטין . דאס מיינט דיא גמרא אז ממון יש לו בידך . אויב דיין חבר מאנט ביי דיר געלט . התר לו פסת יד . העפין אויף דיין האנט אונ בצאהל איהם זיין געלט . ואם לאו . אונ אויב ער מאנט ניט ביי דיר קיין געלט . נאר ער איז בייז אויף דיר ווייל דו האסט איהם גירעט שלעכטע רייד . הרבה עליו רעים . זאלסטו שיקען צו אים פיל גוטע פריינד איהם איבער בעטין :

ו משנה . אמר . רבי ישמעאל האט גזאגט ווער עס וויל קלוג ווערין זאל ער לערנען די דינים פון געלט האנדיל : ווארום עס איז ניטא קיין גרעסערע חכמה אין דיא תורה וויא אין דינים פון געלט האנדיל . דאס איז אזו וויא אקוואל וואס מער וואסער מען שעפט פון איהם קומט אלץ צוא פרישערע וואסער בעסערע . אזוי וואס מער מען לערנט דיא דינים פון געלט האנדיל קומט אלץ צוא נייע דינים מיט מער חכמה . אונ ווער עס וויל לערנען דיא דינים פון געלט האנדיל . זאל ער בדינען (לערנען) ביא רבי שמעון בן ננס . ער האט אין דיא דינים גרויס חכמה :